פּנקס
וואָרשע

פּנקס

וואַרשע

*

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

אַרויסגעגעבן דורך דעם לאַנדסלײַט־פאַראײן פון וואַרשע און אומגעגנט אין אַרגענטינע

בײַ דער מיטאַרבעט פון אַרגענטינער „איקוף"

*

ערשטער באַנד

בוענאָס־אײַרעס 1955

PINKES VARSHE

Libro Recordatorio de la Población Judía de Varsovia

⁂

Editado por la SOCIEDAD de RESIDENTES de VARSOVIA y sus alrededores en Buenos Aires
y patrocinado por el ICUF

★

Tomo I

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

Buenos Aires 1955

פנקס־קאמיטעט:

פֿאָרזיצער: מאַטעס נאַבעל

סעקרעטאַריאַט: גדליה קאַליקשטיין

״ שמואל קאַמינסקי

קאַסיר: ייִדל דיקשטיין

פֿראָקאַסיר: משה גאָלדשטיין

פינאַנצן און אדמיניסטראַציע:

קאַרלאָס נאַפטאַל
נתן ראַדואַנאָווסקי
יוסף לענגער
בעריש דאָמב
וועלוול סאַפירשטיין

רעדאקציע:

פּיניע קאַץ

אינזש׳ מאָטל זאַקין

גדליה קאַליקשטיין

שמואל קאַמינסקי

רעדאַקציע־סעקרעטאַר:

מענדל זאַקס

עס האָבן בײַגעטראָגן גרעסערע סומעס פֿאַר דער רעאַליזירונג פֿונעם פּנקס די פֿרײַנד:

מאָטעק און שרה גוטגלאַס

מאיר און רבקה געלבלונג

הערשל און ראָזאַ גאָלדשטיין

ברידער און שוועסטער נאַפטאַל

מאַנעס און גיטל שיינבוים, לזכרון זייער פֿאַרשטאָרבענער טאָכטער שרה

קלמן שטיין (ניו־יאָרק), לזכרון זײַן פֿרוי אסתר, וואָס איז געשטאָרבן דעם 22טן מײַ 1951 אין ניו־יאָרק

IMPRENTA "GRAFICON" — N.º ZIELONY
PASTEUR 356 · T. E. 48 - 6960 · Bs. AIRES

אַ דענקמאָל און אַן עדות

אייביק וועט לעבן אינעם געדאַנק פון ייִדן וואַרשע, העיר רבתי עם, די פּוילישע הויפּטשטאָט מיט איר ייִדישן לעבן און קאַמף, מיט איר ייִדישער גבורה און גײַסטיקייט, און אייביק וועלן ייִדן דערמאָנען מיט הויכער שאַצונג און אָנערקענונג די הונדערטער טויזנטער ברידער ייִדן וואָס האָבן אין וואַרשע געלעבט און געקעמפּט און האָבן געשאַפן אירע גרויסע געזעלשאַפטלעכע און גײַסטיקע ווערטן אין משך פון דורות, און וועלן מיט הייליקן ציטער דערמאָנען די וואַרשעווער ייִדן, וואָס זענען אין די יאָרן פון דער גרויליקסטער מלחמה, דער נאַצישער, אָפּגעשפּאַרטע אינעם וואַרשעווער געטאָ, פאַרפּײַניקט געוואָרן און אַרויסגעשיקט געוואָרן צו אויסשלאַכטונג אין די ברידער־קברים און צו פאַרגאַזונג אין די קרעמאַטאָריעס פון מײַדאַנעק, אַשוויענטשים און טרעבלינקע.

אייביק וועלן ייִדן מיט ברענענדיקן צאָרן שילטן דעם פינצטערן אָנדענק פון די פּײַניקער און מערדערס, ימח שמם וזכרם, די נאַצישע אָנצינדערס פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און די אומברענגערס פון די זעקס מיליאָן ייִדן, צווישן זיי די הונדערטער טויזנטער וואַרשעווער, און אין איינעם דערמיט וועט בײַ ייִדן פאַרבלײַבן אַ שאַנדוואָרט און אַ מאוסקייט דער „יודענראַט”, וואָס באַצייכנט די ייִדן אויסוואָרפן, וואָס האָבן פאַר זייער נבזהדיקן חיי־שעה איבערגעגעבן צו פּײַן און צו טויט זייערע ברידער ייִדן.

אייביק וועלן ייִדן מיט דעם ציטער פון יראת־הכבוד והרוממות דערמאָנען דעם ליכטיקן אָנדענק פון די העלדן פונעם וואַרשעווער געטאָ; פון די וואָס האָבן, אין די יאָרן פון פאַרשפּאַרונג, געמוטיקט און געטרייסט די אָפּגעשפּאַרטע מיט די האָפענונגען און מיט דעם גלויבן פון די גרויסע גײַסטער פון דער מענטשהייט און פונעם ייִדישן פאָלק וועגן דער וועלט פון גוטס און גערעכטיקייט, וואָס קומט פאַרבײַטן די וועלט פון רשעות און אומרעכט; פון די וואָס האָבן זיי, אין די גרעסטע סכנות, געהאַלטן פאַרבונדן מיט דער גרויסער קעמפנדיקער וועלט, דער אַנטינאַצישער, און זיי אָנגעזאָגט די טריט פון דעם דערלייזער, פון דער באַפרײַערישער רויטער אַרמיי, און פון די, צום סוף, וואָס האָבן אין דער נאַכט פון 19טן אַפּריל 1943, אין דער סדר־נאַכט פון ה'תש”ג, מיט פאַרצווייפלטער גבורה זיך אויפגעהויבן מיט געווער אין די הענט, העלדיש אָנגעזאַמלט און היימיש צוגעגרייטן, קעגן געפאַרכטעטן שונא, און אינעם אונטערגעצונדענעם געטאָ אומגעקומען מיט דעם טויט פון גיבורים.

פּנקס וואַרשע איז אַ דענקמאָל אויפגעשטעלט פון די וואַרשעווער לאַנדסלײַט אין אַרגענטינע יענע דורות וואַרשעווער ייִדן, וואָס האָבן מיט זייער לעבן און קאַמף, מיט זייער גבורה און גײַסטיקייט, זיך אַליין פאַראייביקט אין דער ייִדישער געשיכטע און אין דער געשיכטע פונעם פּוילישן פאָלק, אין דער געשיכטע פון דעם פּויליש־ייִדישן גײַסטיקן שאַפן; אַ דענקמאָל דעם בייזוויליק פאַרשניטענעם לעבן, קאַמף און שאַפן פון די הונדערטער טויזנטער וואַרשעווער ייִדן אונטער דער דײַטשער ממשלת זדון, די קרבנות אירע, אומגעבראַכטע מיט אַלערליי מיתות משונות, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און אומשלאַגלאַגערן, אין די אויוונס פון מײַדאַנעק, אַשוויענטשים און טרעבלינקע, אין די אונטערגעצונדענע שילן מיט דאַוונערס, און די צעשיסונגען פאַר די ברידער־קברים, פון די קרבנות אַליין אויסגעגראָבענע, אויף די תליות, פון די קרבנות אַלײן אויפגעשטעלטע, זיי מיט זייערע פרויען, מיט זייערע אַלטע לײַט און מיט זייערע יונגע קינדער.

אַ דענקמאָל — אַן עדות פון די גרויליקע מעשים פונעם רוצח, דעם פילקעפּיקן אויסוואָרף אין דער מענטשלעכער געשיכטע; אַן עדות פון אונדזער צער און נישט געשטילטן צאָרן און פון אונדזער שבועה קיין מאָל נישט צו פאַרגעסן וואָס עס איז געטאָן געוואָרן אין אָט דער צײַט פון נאַצישער פאַרטעמפּונג און אַנטיסעמיטישער צערייצונג, צום ייִדישן פאָלק און באַזונדער צו אונדזערע וואַרשעווער ברידער ייִדן; אַן עדות פון אונדזער הייליקן

ציטער און יִראת הרוממות והכבוד ווען מיר דערמאָנען זייער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט, וואָס איז אונדזער אייגן בלוט.

פנקס ווארשע איז אַ דענקמאָל און אַן עדות פון אונדזער טיפער פאַרערונג און אייביקן דאַנק די העלדן — קעמפערס פונעם וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָבן מיט זייער אויפשטאַנד קעגן דעם שרעקלעך באַוואָפנטן און קאַלט־מערדערישן שונא אויף אייביק באַלויכטן מיט דער שײַן פון גבורה דעם אומוויליקן טויט פון די מיליאָנען אומגעבראַכטע ייִדן, — אַ גבורה, וואָס האָט געקלאַפּט, אַ נישט־אַנטפּלעקטע, אין דער ברוסט פון דעם מערסטן טייל אומגעקומענע, די עלטערע ווי די יונגע, וואָס האָט געלעבט אין זיי אַ צוגעשטיקטע אונטער דער שווערער האַנט פון דעם באַצווינגער. וואָרעם די אויסגעהיטע און אויסבאַהאַלטענע שריפטן־עדות דערציילן אונדז וועגן דעם טראַגישן קלאַמערן זיך פון די וואַרשעווער ייִדן אינעם לעבן, טאָג נאָך טאָג, און שעה נאָך שעה אונטער אַט דער שווערער האַנט און אונטער די שרעקלעכסטע אויסראָטונגס־תחבולות, מיט אַ נישט־אויסגעלאָשענער האָפענונג דעם שונא איבערצולעבן, כדי ווײַטער צו קענען ציִען דעם המשך פון דעם ייִדישן פאָלקסלעבן אין פוילן, כדי ווײַטער צו שפינען די גאָלדענע קייט פון ייִדישן פאָלקסשאַפן, ווי עס האָט דאָס אָנגערופן אונדזער יצחק לייבוש פרץ.

פנקס ווארשע, ווי אַ דענקמאָל, איז דערום דער אויסדרוק פון אַט דעם מעכטיקן פאַרלאַנג פון ווײַטערדיקן לעבן און שאַפן, וואָס די וואַרשעווער ייִדן זענען מיט אים צום טויט געגאַנגען ווי מיט אַ שמע־ישראל אויף די ליפן און ווי מיט אַ צוואָה צו אונדז לעבן געבליבענע וואַרשעווער ייִדן, ווו נאָר מיר געפינען זיך. ער איז אַ פאַרצייכענונג אָדער אַן אָנהייב פון אַ פאַרצייכענונג פון דער רײַכער ירושה וואָס זיי האָבן אונדז איבערגעלאָזט, אַן אָנגעלעבטע אין משך פון די דורות און יאָרהונדערטער לעבן און קאַמף און שאַפן אין דער פוילישער הויפטשטאָט, וואָס איז אין משך פון די לעצטע אַנדערטהאַלבן הונדערט יאָר אויך געווען די הויפטשטאָט פון דעם אינטענסיוון ייִדישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן אין פוילן. דערום אויך איז ער אַן אָנשלוס פון אונדז וואַרשעווער ייִדן אין אַרגענטינע צו דער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טעטיקייט פון די וואַרשעווער ייִדן אינעם נײַעם פוילן, וואָס מיר האַלטן זי פאַר דעם געטרײַען אויספאָלג פון דער צוואָה פון די אומגעבראַכטע פוילישע ייִדן. די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט און קולטור־אַרבעט אין פוילן איז אין משך פון דורות געווען דער אויסדרוק פון דעם קאַמף און פון די שטרעבונגען בײַ די פויליש־ייִדישע פאָלקסמאַסן צו אַ לעבן פון רעכט און פרײַהייט, פון באַפרײַטער מי און באַפרײַטן נאַציאָנאַלן לעבן. הײַנט, ווען דער קאַמף איז אויסגעקעמפט און די שטרעבונגען זענען אַ ווירקלעכקייט, איז דאָס לעבן און דער קאַמף פון די ייִדן אין פוילן, די וואַרשעווער ייִדן אײַנגעשלאָסן, אַ טייל פון דעם רעכטלעך־סאָציאַלן אויפבוי, וואָס האָט זיי שטענדיק אינספירירט און זיי אַן ענדציל געגעבן.

פנקס ווארשע, ווי יעדער דענקמאָל, איז אַ קענצייכן פון דער פאַרגאַנגענהייט און איז דערום אין דער זעלבער צײַט אַ ייִחוס־בריוו פאַר די וואָס שטעלן אים אויף. ער איז דער ייִחוס־בריוו פון די וואַרשעווער לאַנדסלײַט אין אַרגענטינע און ווו נאָר זיי געפינען זיך, בפרט פאַר די וואַרשעווער ייִדישע פאָלקסמענטשן, וואָס האָבן אַליין אַ חלק אין דער אויסגעשטאַלטונג פון דעם ייִדישן לעבן אין וואַרשע פאַר דער לעצטער וועלט־מלחמה מיט זייער טעטיקייט אין די אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס פון אַט דעם גרעסטן אין אייראָפע צענטער פון ייִדישער מאַסן־קולטור, ייִדישער פאָליטישער אַקציע און ייִדישן אָנטייל אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער איז אַ ייִחוס־בריוו און אַן אידענטיטעט־קאַרטע, ווי פאַר קינדער פון אַט דער פאָליטישער, סאָציאַלער און קולטור־סביבה, וואָס האָט אויסגעפורעמט זייער ייִדיש־פוילישן און באַזונדער זייער ייִדיש־וואַרשעווער באַוווסטזײַן און אייגנאַרט.

פוילישער ייִד איז נישט בלויז אַ געאָגראַפישער באַגריף, וואָס נעמט אַרום דעם טייל פונעם ייִדישן פאָלק, וואָס האָט געלעבט אין די גרענעצן פון דער פוילישער מלוכה אין די צײַטן פון איר אויסברייטערונג אָדער אײַנשרומפונג; מער ווי אַלץ איז פוילישער ייִד אַ באַגריף פון דעם טייל ייִדן וואָס האָט געלעבט אין די באַדינגונגען פון דעם לאַנגן פוילישן מיטל־עלטער אונטער דער הערשאַפט פון דער פוילישער שליאַכטע (גוטבאַזיצערישער קלאַס) און פון דעם פויליש־קאַטוילישן קלער, וואָס האָבן געמאַכט פון ייִדן דעם כמעט אויסשליסלעכן באַשטאַנד פון דעם פוילישן דריטן שטאַנד — דעם מיטלשטאַנד צווישן דעם גוטבאַזיצערישן און דעם פויערישן — צווישן די האַרן פעאָדאַלן און זייערע קנעכט, די באַאַרבעטערס פון זייער ערד און די זעלנערס פון זייערע מלחמות.

דער ייִד איז געווען דער פּירער אָדער דער אַרענדאַטאָר פונעם פּוילישן פּריצס ווירטשאַפט; ער איז געווען דער בעל־מלאכה וואָס האָט באַקליידט און באַשוכט דעם פּריץ און דעם פּריצס משפּחה; ער האָט געבויט דעם פּריצס פּאַלאַצן און זייַנע קלויסטערס און האָט זיי דעקאָרירט און באַמעבלט; ער האָט אים אונטערגעהאַלטן בעת זייַנע הוליאַנקעס אַלס כלי־זמר און זינגער; ער איז געווען דער הענדלער וואָס האָט צוגעשטעלט דעם פּריצישן הויף און דעם פּויערישן דאָרף די אויסאַרבעטונגען פון דער גרויסער שטאָט אָדער האָט זיי אַרייַנגעפירט פון אויסלאַנד; ער האָט פאַרהאַנדלט קיין אויסלאַנד דעם פּריצס תבואה פון די פעלדער און געהילץ פון די וועלדער; ער איז געווען דער צושטעלער פון אויסשטאַטונג און פּראָוויאַנט פאַר די אַרמייען פון דער פּריצישער מלוכה, אין דער זעלביקער צייַט פּאָליטיש אַבסאָלוט רעכטלאָז. אפילו זייער וווינרעכט אין געוויסע שטעט און געגנטן פונעם לאַנד האָבן ייִדן געמוזט באַזונדער קויפן בייַ די פּריצים — אייבערהאַרן מיט אונטער־קויף.

דער ייִד איז אַזוי אַרום געוואָרן דער באַוווינער פון דעם שטעטל — דער מיטלפּונקט צווישן די פּריצישע הייף און די פּויערישע דערפער און זייער מאַרק פאַר פאַרקויף און אייַנקויף — און פון די מאַרקגאַסן אין דער גרויסער שטאָט. אַ רעכטלאָז שטעטל און רעכטלאָזע גאַסן מיט רעכטלאָזע ייִדן. זייער סאָציאַלע ראָלע אין דער פּוילישער ווירטשאַפט, די פאַרמיטלער־ראָלע, וואָלט זיי לאָגישערווייַז באַדאַרפט פאַרוואַנדלען אויך אין אַ קולטור־פאַקטאָר, וואָס אַסימילירט אין זיך די ערדישע פאָלקסגלייבונגען און די פאָלקס־חכמה פון דעם פּויער מיט דער קולטור אָדער ציוויליזאַציע פון דעם פּריץ, און שאַפט פון זיי נאַציאָנאַלע פּוילישע ווערטן אין אַ ייִדישן טיגל אויסגעשמעלצטע. אָבער, פון איין זייַט די פּאָליטישע רעכטלאָזיקייט און פון דער צווייטער זייַט די פאַרשטעלונג פון דעם ייִד מצד דעם קאַטוילישן קלער ווי אַ פאַרשאָלטענעם מענטשן און אַ שותף צום מייַוול, האָבן דעם ייִדן, מיט זייַן גאַנצער גינציקער פּאָזיציע אין דער פּוילישער ווירטשאַפט, קולטורעל איזאָלירט, און צוגעהאָלפן מאַכן די פּוילישע ייִדן פאַר אַן אָפּגעזונדערטער סאָציאַל־רעליגיעזער עדה, מיט קליינע אויסנאַמען אָפּטריניקעס (אַסימילאַנטן, הפקר־יונגען און משומדים).

מען קען נישט זאָגן, אַז די ווירקונג פון דעם ייִדישן קאָנטאַקט מיט די צוויי גרונטקלאַסן פונעם פעאָדאַלן פּוילישן פאָלק מערקט זיך נישט אויף דעם פּוילישן ייִדן. די ווירקונג מערקט זיך זייער שטאַרק אין דער ייִדישער שפּראַך, אַפילו פון ייִדן וואָס וווינען שוין לאַנג נישט אין די גרענעצן פון פּוילן, און אויך אינעם כאַראַקטער און אין די געוווינהייטן פון די פּוילישע ייִדן, אָפּגערעדט פון די ייִדן וואָס האָבן איבערגענומען פאַר זייערע די פּוילישע שפּראַך און מיר זוכן בייַ זיי, פאַרקערט, די ייִדישע שפּורן.

די סאָציאַלע און רעליגיעזע אָפּגעזונדערטקייט פון די ייִדן אינעם פעאָדאַלן פּוילן האָט אין אַ געוויסן צייַטאָפּשניט פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט דערגרייכט צו אַ נאַציאָנאַל־רעליגיעזער אויטאָנאָמיע מיט אייגענע אינערלעך־רעכטלעכע אינסטיטוציעס. געווען איז עס די פעדעראַציע פון די ייִדישע קהילות אין דער דעמאָלט אויסגעשפּרייטער פּוילישער מלוכה איבער וואָלין און פּאָדאָליע צו דרום־זייַט און איבער ווייַסרוסלאַנד און ליטע צו צפון־זייַט, און האָט געטראָגן דעם נאָמען „וועד ארבע ארצות” („ראַט פון פיר לענדער”). אָט די פעדעראַציע וואָס האָט אַרענדירט בייַ דער מלוכה און האָט קאָנטראָלירט די ספּעציפישע ייִדישע שטייַערן (פאַרבליבן אינעם צאַרישן „תחום המושב” פאַר ייִדן ווי די טאַקסע) האָט אויף זיך געהאַט דעם ייִדישן קאָמערץ־געריכט, די תקנות פון די יאַרידן, איינצייַטיק מיט דער השגחה אויף חתונות און גטן, געבורטן און קבורות.

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אויטאָנאָמיע איז געווען די לעגאַליזאַציע פון דער עקסטרעמסטער ייִדישער רעכטלאָזיקייט אין פּוילן און נישט קיין פּריווילעגיע דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט, ווי געוויסע היסטאָריקערס ווילן דאָס אויסטייַטשן. געווען איז עס נישט מער ווי אַן אופן ווי אייַנצושפּאָרן דער מלוכה איר טייַער־קאָסטנדיקן און קאָרומפּירטן שטייַערן־אַפּאַראַט פאַר ייִדישער מלאכה און האַנדל, וואָס האָבן געצאָלט צווייפאַכיקע אָדער דרייַפאַכיקע שטייַערן ווי נישט־ייִדישע מלאכה און האַנדל. און... די ייִדישע אויטאָנאָמיע האָט געפּלאַצט אין איינעם מיט איר פינאַנציעלן באַנקראָט, טאַקע איבער די אומדערטרעגלעכע שטייַערן אויף ייִדישער מלאכה און האַנדל וואָס האָבן פאַראָרעמט ביז דער לעצטער שטופּע די ייִדישע קליינע הענדלערס און בעלי־מלאכות און האָבן רייַך געמאַכט די ייִדישע וואָכערערס. פאַקטיש איז די דאָזיקע אויטאָנאָמיע לעבן געבליבן בלויז ווי אַ רעליגיעזע אינסטיטוציע און ווי אַ „מאָראַלישער כוח פון ייִדישער איינהייט”, ריכטיקער, דער באָדן פאַר דער ממשלה פון די רייַך געוואָרענע ייִדן — וואָכערערס, פּריצישע ייִדן, אונטערטעניקע דעם פּריץ און תקיפים איבער דער אָרעמער ייִדישער עדה, אויסנוצערישע געלט־שותפים פון ייִדישער פּראַצע.

דער קאַמף פון די ייִדישע מאַסן אין פּוילן קעגן אָט די וואָכערערס און תקיפים, פּריצישע ייִדן און בעל־טאַקסעס, — די וויכטיקסטע טעמע פון די ערשטע שרייַבערס אין ייִדיש — איז געווען דער אָנהייב פונעם קלאַסן־באַוווּסטזייַן אינעם פּוילישן ייִדנטום. ער קומט צום אויסדרוק נאָך אין די ערשטע טריט פון דער חסידות און השכלה־באַוועגונגען אין פּוילן, איידער זיי האָבן דעגענערירט צו הערשאַפט־מיטלען אין די הענט פון די זעלביקע תקיפים. ער ברייטערט זיך אויס דורך דער ייִדישער ליטעראַטור און דורך דעם ייִדישן טעאַטער, דורך די בעל־מלאכישע אחדות־חברות, און גיסט זיך אַרייַן אין דער שפּעטערדיקער צעוואַקסענער אַרבעטער־באַוועגונג צווישן ייִדן.

די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן, געפּאָרט מיט דער ייִדישער קולטור־באַוועגונג און מיט דעם אויפשוונג פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, עפנט פאַר די ייִדישע פאָלקמאַסן דעם וועג פון סאָלידאַריטעט מיט די פּוילישע

אַרבעטערס און צום געמיינזאַמען קאַמף פון די פּראָגרעסיווע פּאָליטישע כוחות אין לאַנד — ניט אויסגעשלאָסן די ציוניסטישע און פּראָלעטאַריש־ציוניסטישע פּאַרטייען — פאַר דער ייִדישער גלײַך־באַרעכטיקונג, און מאַכט די אָרגאַניזירטע ייִדישע אַרבעטערשאַפט פאַר אַ גרויסן פּאָליטישן און רעװאָלוציאָנערן כוח, װאָס באַטייליקט זיך אין דער סאָציאַלער װי אין דער נאַציאָנאַלער באַפרײַונג פון פּױלן, און דער נצחון פון דעם קאַמף האָט סוף־כל־סוף אויסגעגלײַכט דעם ייִד מיט דעם פּאָליאַק אין אַלע זײַנע רעכטן אין דעם סאָציאַליסטישן פּױלן.

דאָס איז בקיצור די עװאָלוציע פון דעם פּױלישן ייִד ביז דער לעצטער װעלט־מלחמה, װאָס האָט, צו אונדזער גרויסן אומגליק, פאַרשניטן דאָס לעבן פון מיליאָנען פּױלישע ייִדן, און זיי האָבן נישט דערלעבט צו זען דעם נצחון פון זייערע שטרעבונגען און פון זייער קאַמף אין משך פון הונדערטער יאָרן. די עמיגראַציע־באַװעגונג פון די פּױלישע ייִדן קיין צפון־ און דרום־אַמעריקע אין די לעצטע דרײַ פערטל יאָרהונדערט האָט דאָ פון זיי געשאַפן נײַע ייִדישע ישובים מיט קלאַסן־באַװוּסטזיניקע און פּראָגרעסיװע ייִדישע מענטשן.

אינעם כלל פּױלישער ייִד האָט דער װאַרשעװער ייִד אינטימער װי אַנדערע דורכגעמאַכט די אויבן געשילדערטע עװאָלוציע, שוין דערמיט װאָס די גרויסשטאָט, און בפרט די הויפּטשטאָט, איז דער פילפּונקט פון דער עקאָנאָמישער, קולטורעלער און פּאָליטישער אַנטװיקלונג אין יעדן לאַנד און ציט אויך צו, פון איבערן גאַנצן לאַנד, די אומרויִקערע, די אַקטיװערע, די מער קעמפּעריש נאַטורן, די װאָס װערן אַרײַנגעצויגן אין איר שעפּעריש לעבן אויף די פאַרשידנסטע געביטן. און אָט די אינטים־דורכגעמאַכטע עװאָלוציע האָט געשאַפן זײַן געזעלשאַפטלעכע און קולטור־פיזיאָנאָמיע.

כדי פּנקס װאַרשע זאָל באמת זײַן דאָס װאָס ער האָט זיך פאָרגענומען: אַ דענקמאָל, אַ ייחוס־בריװ און אַן אידענטיטעטס־קאַרטע פון די װאַרשעװער ייִדן, האָט ער געמוזט, לכל הפחות פּנקסמעסיק — װי די פּנקסים פון די אַלטע ייִדישע קהילות און חברות, װאָס פלעגן פאַרצייכענען אין איינעם מיט זייערע תקנות, די גרונט־מעשים פון זייער לעבן — פאַרצייכענען דאָס װאָס צייכנט אויס װאַרשע און די װאַרשעװער ייִדן. און דאָס האָבן זײַנע אַרויסגעבערס און צוזאַמענשטעלערס זיך באַמיט צו טאָן מיט בערך קורצע און צימצומדיקע געשיכטלעכע און שטייגער־שילדערנדיקע אַרבעטן און דערמאָנונגען, װאָס זענען דאָ צוזאַמענגענומען.

די אַרויסגעבערס און צוזאַמענשטעלערס פון דעם פּנקס װייסן אַז דער דאָזיקער באַנד גיט נישט דעם פולשטענדיקן באַגריף װעגן דעם רײַכן און אַלזײַטיקן ייִדישן לעבן אין װאַרשע, זײַנע טענדענצן און באַװעגונגען, װי זיי האָבן זיך פאָרגענומען. פאַראַן דערום אַ מיינונג און אַ פאַרלאַנג, אַז דער דאָזיקער באַנד זאָל זײַן דער ערשטער פון אַ װײַטערדיקער רייע בענד מיט געשיכטלעכע און שילדערישע מאַטעריאַלן װעגן װאַרשע אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער איצטיקער צײַט.

דאָך זענען מיר זיכער אַז שוין דער איצטיקער באַנד פּנקס װאַרשע פילט אויס דעם טיפן באַגער פון די װאַרשעװער לאַנדסלײַט צו זען אויפגעשטעלט דעם דענקמאָל די גרױליק פאַרשניטענע װאַרשעװער ייִדן און די העלדישע געטאָקעמפער און קומט נאָך זייער אַנגסטלעכער צװאה און זייער האָפענונג, ערב זייער גרױליקן טויט, אַז די רײַכע ירושה פון גײַסט, װאָס זיי האָבן נאָך זיך געלאָזט, איז נישט אומגעבראַכט, אַז די גאָלדענע קייט פון זייער שאַפן איז נישט איבערגעריסן, און אַז נײַע, גליקלעכערע דורות װעלן װײַטער ציִען זייער המשך, אינעם גײַסט פון זייערע שטרעבונגען צו מענטשלעכן גליק און צו פרידן אויף דער ערד.

I.

פון די עלטסטע צייטן ביז 1795

פיניע קאַץ (בוענאָס איירעס)

ייִדן אין ווארשע ביז דער דריטער צעטיילונג פון פוילן

ווארשע אלס „עיר ואם בישראל", אלס שטאָט מיט דער גרעסטער צאָל איינוואוינער אין מיזרח־אייראָפּע און אלס גרעסטער צענטער פון יידישקייט און יידישער קולטור ביז איר חורבן אין די יאָרן פון נאַציִשן איבערפאַל, הייבט אָן אויפקומען ערשט נאָך 1795, דאָס הייסט נאָך דער דריטער צעטיילונג פון פוילן, ווען די הויפּטשטאָט פון דער פוילישער מלוכה זינט 1527 ווערט ווידער די הויפּטשטאָט פונעם מאַזאָווישן הערצאָגטום אונטער פּרייסישער הערשאַפט, און דער פאַרבאָט פאַר נישט־קאַטאָליקן און ספּעציעל פאַר יידן צו וואוינען און זיך באַשעפטיקן מיט האַנדל און מלאכה אין דער שטאָט, לויטן דעקרעט פון הערצאָג באָלעסלאַוו דעם מאַזאָווישן אין 1483, ווערט באַשרענקט אויף בלויז איניקע גאַסן. דער שנעלער וואוקס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ווארשע הייבט זיך אָן נאָך שפּעטער, ווען זי ווערט די הויפּטשטאָט פון דעם רוסישן פוילן מיט אירע צען גובערניעס, און זי נעמט איבער אויך די ראָל פון דעם יידישן עקאָנאָמישן און גייסטיקן צענטער, וואָס פריער איז עס געווען לובלין.

ביז דעמאָלט איז די געשיכטע פון יידן אין ווארשע, באַזונדערס נאָכן דעקרעט פון 1483, א געשיכטע פון יידישן געראַנגל פאַר וואוינען, אַרבעטן און האַנדלען אין דער שטאָט און פון כסדרדיקן באַנייען און שטרענגער מאַכן דעם דערמאָנטן דעקרעט מצד די פוילישע קעניגן, וואָס זיי אליין פלעגן אויף אים אָפט עובר זיין לטובת די יידן. און ניט נאָר די קעניגן פלעגן עובר זיין אויף דעם דעקרעט, נאָר אויך די מאַגנאַטן, וואָס האָבן געשיצט זייערע יידן קעגן דעם דעקרעט, קעגן דער טראַדיציע פון אומטאָלעראַנץ צו יידן (נאָן טאָלעראַנדים יודעים) וואָס האָט אויסגעטיילט ווארשע און א גאַנצע ריי אַנדערע מאַזאָווישע שטעט פון גאַנץ פוילן, און קעגן דעם ווארשעווער מאַגיסטראַט וואָס האָט פאַרטראָטן די דאָרטיקע דייטשישע אַרבעטער און הענדלער און האָט אויסגענוצט זיין אויטאָנאָמיע, לויטן „מאַגדעבורגער רעכט", אויף נישט אַריינצולאָזן קיין ווארשע יידישע בעל־מלאכות און הענדלער.

שוין דאָס וואָס מען האָט דעם דעקרעט פון 1483 געמוזט אָפט באַנייען און שטרענגער מאַכן איז א באַווייז אַז אין ווארשע האָבן קיין מאָל נישט געפעלט קיין יידן. נאָך יעדן מאָל באַנייען דעם דעקרעט — ווייזט אָן מ. ווישניצער אין דער יידישער ענציקלאָפּעדיע פון בראָקהאַוז און עפראָן (5טער באַנד זייט 314) — פלעגן יידן פאַרלאָזן ווארשע און באַלד צוריקקומען. אַנדערע פלעגן אַרויספאָרן דורך איין גאָס און באַלד צוריק אַריינפאָרן דורך אַן אַנדער גאָס. קיין לעגאַל־אָרגאַניזירט יידיש לעבן האָט נאַטירלעך נישט געקענט זיין אין ווארשע ביי אַזעלכע אומשטענדן. די שיל וואָס יידן האָבן געהאַט אין ווארשע ביז דעם דערמאָנטן דעקרעט — לעבן דעם קאָשטשיאָל פון הייליקן יאַן — און דעם בית עולם, לעבן דעם קאָטוילישן, האָט מען פאַרקויפט אָדער פאַרפאַכט צו קריסטן אין איינעם מיט די יידישע הייזער. יידן האָבן דעמאָלט געוואוינט אויף דער „יידישער גאָס" וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון נומער 7-6 שפּעטערדיקער „וואָנזקי דונאַי" האָט געהאַט 8 איילן אין דער ברייט און האָט זיך געצויגן פון דרום צו צפון 109 איילן די לענג. אָנהייב 19טן יאָרהונדערט האָט זיך די גאָס גערופן „אַבראַהאַמאָווסקאַ". — און ערשט סוף 18טן יאָרהונדערט, ווען דער דעקרעט איז שוין בטל געווען, האָט א דייטשער ייד אויסגעבויט אין ווארשע א שיל אויף זיינע אייגענע הוצאות, און אין 1799 האָבן יידן אויך אויסגעשטעלט זייער ערשטן שפּיטאָל אויף נאָוואָליפּיע, לעצטנס נומער 30, וואָס מען האָט דערנאָך איבערגעפירט אויף מאַרשאַלקאָווסקע.

✓ קורץ, ביז סוף אַכצנטן יאָרהונדערט קען מען נישט רעדן וועגן א ווארשעווער יידנטום, מען קען אָבער רעדן וועגן ווארשעווער יידן, ווי וועגן פוילישע יידן אין כלל, ווי א טייל פון דעם פוילישן יידנטום וואָס האָט זיך אויסגעפורעמט אין משך פון איבער טויזנט יאָר מאַטעריעלער און גייסטיקער אַנטוויקלונג אין די באַדינגונגען פון פוילישן פעאָדאַלן לעבן. אליין כמעט א סאָציאַלער שטאַנד, — דער שטאַטיש־שטעטלשער שטאַנד פון הענדלערס און בעל־מלאכות, א מיטלשטאַנד און פאַרמיטלער־שטאַנד צווישן דעם פוילישן גוטבאַזיצערישן און דעם פויערישן, א גייסטיק לעבן, וואָס האָט זיך געשטאַלטיקט פון אָפּגעזונדערטער טראַדיציאָנעלער יידישקייט און דאָך באַאיינפלוסט קולטורעל סיי פון דעם העכערן פּריצים־שטאַנד און סיי פון דעם נידעריקן פויערים־שטאַנד, אָנגעשטעקט מיט וועלטלעכן וויסן, מיט קאַטוילישער מיסטיק און געצנדינערישן אָבערגלויבן.

וואָס שייך דעם אָנהייב פון יידישער איינוואַנדערונג קיין פוילן און ספּעציעל קיין ווארשע זענען קיין פעסטגעשטעלטע דאַטעס נישט פאַראַן. די ערשטע ידיעות וועגן דער איבערוואַנדערונג פון יידן קיין פוילן באַציען זיך, לויט מ. ווישניצער, צום סוף פונעם עלפטן יאָרהונדערט און וועגן יידן אין ווארשע — צום מיטן פונעם 13טן יאָרהונדערט. דאָס זענען אַרכיוון פון „שאלות ותשובות" וואָס האָבן זיך געפירט צווישן לומדים און סוחרים פון פוילן און קיעווער רוסלאַנד מיט דייטשע יידן. פאַראַן אָבער אויך נישט דאָקומענטירטע פאַרצייכענונגען פון פוילישע היסטאָריקער, וואָס גיבן אָן די אָנוועזנהייט פון יידן אין פוילן נאָך אָנהייב צענטן יאָרהונדערט. אַזוי ווערט אָנגעגעבן אַז צום פירשט ליעשקאָ, וואָס האָט געהאַט זיין הויפּטשטאָט אין גנעזן (גניעזנאָ) פויזנער געגנט, זענען אין יאָר 903 געקומען דייטשע יידן מיט א ביטע ער זאָל זיי לאָזן וואוינען אין פוילן. ער האָט זיי געגעבן די דערלויבעניש און זיי האָבן ביי אים גענומען אין אַרענדע די געלטמינצונג. פאַראַן אַרכיוון פון מטבעות מיט יידישע אויפשריפטן, וואָס זאָגן עדות וועגן יידישע געלטמינצער אין פוילן פון 11טן יאָרהונדערט.

עס איז אָבער גאָרנישט אַזוי ריזיקאַליש און אַנטי־היסטאָריש זיך משער צו זיין אַז יידן סוחרים און חלפנים פון איטאַליע, וואָס האָבן געפירט מסחרים און געהאַט געלטגעשעפטן מיט ביזאַנץ נאָך אין דעם מיטל־עלטער, זענען דורך די באַלקאַן־לענדער און רויטרוסלאַנד געקומען אין באַרירונג מיט די סלאַווישע שבטים לענגוים דער ווייסל און דאָס אייגענע זאָלן יידן סוחרים פון באַגדאַד און באַסראַ, פון איראַן און בוכאַראַ וואָס האָבן געפירט מיסחרים מיט די סלאַווישע שבטים ביים דניעפּער, האָבן געקומען מיט דעם רעכטברעגיקן וועג פון דניעפּער און בוג קיין פוילן. דאָס אייגענע פאַרקערט: די פוילישע פירשטן, זייער פרי געקומענע אין פאַרבינדונג מיט דער אייראָפּע פון די גערמאַנער, פון די פראַנקן און גאַלן און שוין אויך מיט דעם פויפּס, האָבן זיך גענייטיקט אין יידן סוחרים און געלטמינצער כדי מיט זייער הילף אַריינצופירן אויף זייערע „ערדן" אַן אייראָפּעאישן שטאַט, זאָלן זיי האָבן פאַרבעטן קיין פוילן . . .

נאָך אינעם נעפּלדיקן פאַרטאָג פון פוילן, ווען מאַזאָוויע האָט נאָך נישט געוואוסט נישט פון קריסטלעכער און נישט פון מערבדיקער ציוויליזאַציע און אירע פּאַנעם און פּידפּאַנעם אין איינעם מיט זייערע קנעכט, די פלאַקסענע טשופּרינעס אַרומגעשוירן ביז די אויגן, האָבן געגלויבט אין די מעכטיקע נאַטורגעטער, אין



געשטאַלטן פון וואַרשעווער
יידן פון 18טן יאָרהונדערט

(בילד פון ב. קאַנאַלעט)

די וואַלד-רוחות, וואַסערמיידלעך און מכשפות, מיט דער גרעסטער פון זיי אַלע באַבאַ יאַגאַ — אין יענעם נעפּלדיקן פאַרטאָג פון די סלאַווישע שבטים ביים טייך ווייסל, וואָס האָבן שוין געזייט קאָרן, געשפּונען פלאַקס, געצויגן פון די בערעזעס שמירעכץ פאַר די סקריפּנדיקע רעדער פון זייערע נישט געקאָוועטע וועגענער און האָניק און וואַקס און מעד צו טרינקען פון די בינשטאָקן — ווען וואַרשע איז נאָך געווען נישט מער ווי אַ מאַיאָנטעק פון אַ מאַזאָווישן פירשט, מיט זיינער אַ שלאָספעסטונג צווישן די כלאָפּישע זעמליאַנקעס, פלעגט שוין מסתמא אַ ייד זיך דערשלעפּן אַהין מיט זיין בויד סחורה. ער פלעגט זיך אַהין דערשלעפּן פון פּרייסן, דורך פּויזן און קאַליש, פון דער באַלטישער ליטע אָדער קורלאַנד דורך רייסן און זאַמעט פון ווענעדיק דורך ביזאַנץ, רויטרוסלאַנד און לובלין, פון טורקעסטאַן און פון קרים איבער פּאָלטאַווע און קיעוו. ער פלעגט אויסלייגן פאַר די כלאָפּישע ווייבלעך און מיידלעך זיינע קאָלירטע סטענגעס,ביינערנע קעמעלעך, טערקישע פּאַטשיילעס און בשמים אַלערליי און פאַר וואָס טאַקע נישט אַ ליבע-וואַסערל פון די ווייטע לענדער, און אויסבייטן אויף אַ מעסטל קאָרן, אַ בינטל פלאַקס אָדער חזיר-האָר. אַ צווייטער ייד, אַ פוסגייער, מיט זיין טאָרבע און שטעקן, פלעגט זיך אָפּשטעלן פרעגן צי דאַרף נישט דער כלאָפּ און זיין ווייב אַ פעלץ זיך אויפנייען, און אַ דריטער — מיט זיין קעסטל געצייג אויפן רוקן, צי דאַרף מען נישט אַ קוואָרט פאַרלייטן אָדער אַ טאָפּ פאַרדראָטעווען . . . דער פירשט, מעגלעך, האָט צווישן די מייסטער וואָס האָבן געבויט זיין שלאָס געבראַכט פון אויסלאַנד אַ יידן אַ דאַכדעקער, אַ שינדלער, אַן אויוון-מוליער און אַ שטובן-מאָלער. אַ ייד אַ וועגנער האָט אים געבראַכט טאָקייער פאַר זיינע פירשטלעכע הוליאַנקעס מיט די פּאַנעס, וואָס זענען שוין זאַט געווען פון דעם היימישן מעד, אַ ייד פון טאַשקענט האָט אים געבראַכט אַ טעפּעך אַ פּערסישן, אַ קרום שווערדל אָדער אַ קינזשאַל מיט אַ גראַווירטן זילבערנעם הענטל, אַ ייד פון ווענעדיק — וואָלנס און זיידנס און בראָקאַט פון דמשק פאַר זיין פירשטלעכן זיפּון און פאַר די סאַראַפאַנעס פון דער ווייבעריי, פאַר זיין טאָכטער וואָס חלומט מסתמא, ווי ער, וועגן אַ שידוך מיט אַ באָיאַר פונעם דרום אָדער מיט אַ הערצאָג פונעם מערב . . .

פון אָט די יידן האָבן אַ טייל זיכער זיך באַזעצט צוליב שטענדיקן האַנדל און שטענדיקער מלאכה און אַראָפּגעבראַכט זייערע משפּחות אין דעם מאַיאָנטעק און געהאָלפן פאַרוואַנדלען אים אין דער שפּעטערדיקער שטאָט וואַרשע. און ווען די דייטשע בעל-מלאכות און הענדלער, אָנגערעגטע פון דער דייטשער האַנדלס-אָרגאַניזאַציע „האַנזאַ", האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין פּוילן דאָרטן צו פאַרנעמען פּאָזיציעס פאַר דער דייטשער עקספּאַנסיע, שוין אין פערצנטן י"ה, האָבן זיי געטראָפן אַ היפּשע צאָל יידן בעל-מלאכות און הענדלער אין וואַרשע ווי אין גאַנץ פּוילן, וואו זיי האָבן גענומען פירן קעגן זיי דעם קאַמף וואָס די „האַנזאַ" האָט געפירט אין דייטשלאַנד גופא.

דאָס געוועור פון די דייטשע בעל-מלאכות און הענדלער אין זייער קאַמף פאַר אַרויסשטויסן די יידן פון די פּאָזיציעס וואָס זיי האָבן שוין געהאַט פאַרנומען אין די פּוילישע שטעט, איז געווען דער מאַגיסטראַט, די שטאָטישע פאַרוואַלטונג, וואָס זיי האָבן אַריינגענומען אין זייערע הענט אויפן גרונט פון דעם אַזוי גערופענעם „מאַגדעבורגער רעכט". געבראַכט האָבן זיי מיט זיך דאָס דאָזיקע רעכט פון דייטשלאַנד, וואו די שטאָטישע באַוווינער, וואָס דאָס האָט געמיינט די הענדלער און האַנטווערקער, האָבן פאַרוואַלטעט מיט די שטעט לויטן מוסטער פון דעם אויטאָנאָמען רעכט וואָס די שטאָט מאַגדעבורג האָט די ערשטע באַקומען. די דייטשן זענען אַזוי אַרום געקומען קיין פּוילן ווי פּאַרטיקע בירגער און דערצו, ווי פּריווילעגירטע, געשיצט אין איין צייט דערמיט, פון דער דייטשער, ריכטיקער, פון דער פּרייסישער מלוכה, וואָס האָט זיך געצויגן לענגאויס דער גרענעץ מיט פּוילן, און פון דעם אָרגאַניזירטן דייטשן האַנדל וואָס האָט אונטערגענומען אַ קאַמף קעגן יידישן האַנדל נישט נאָר אין דייטשלאַנד, נאָר אויך אין אַ וועלטמאַסשטאַב.

דאָס דאָזיקע געוועור האָט געהאַט צוויי שאַרפן, איבער הויפּט וואָס שייך יידן אין פּוילן. אין דער זעלבער צייט ווי די „האַנזאַ" האָט געפירט דעם קאַמף קעגן יידישן מסחר אין די דייטשע שטעט און דורך די דייטשע סוחרים אין די שטעט פון די שכנישע מלוכות: לעטלאַנד, ליטע, רוסלאַנד, טשעכיע און פּוילן, און עס איז איר געלונגען צו מאַכן אַ סך פון די דייטשע שטעט יידנריין, האָבן דייטשע יידן מער אויסגעוואַנדערט אין יענע לענדער און דאָרט פאַרנומען האַנדלס-פּאָזיציעס, וואָס האָבן מיט דער צייט אָפּגעשוואַכט זייער האַנדל מיט דייטשלאַנד. די „האַנזאַ" האָט זיך געגרינדעט צום סוף עלפטן יאָרהונדערט. געווען איז זי, לויט פריץ דעריג (זע: „די איירָאָפּעאישע שטאָט", וועלט-געשיכטע פון וואַלטער געץ אין שפּאַניש, באַנד 4, זייט 341), נישט נאָר אַן עקאָנאָמישע האַנדלס-קאָנפעדעראַציע פון דייטשע שטעט. דאָס איז מער ווי אַלץ געווען אַ בלוט-פאַראייניקונג, וואָס דאָס מיינט סיי ראַסיש און סיי קרוביש פאַרבונדן צווישן זיך און איז נישט געווען קיין צופעליקע אונטערנעמונג, נאָר לכתחילה אויסגערעכנט און אָרגאַניזירט אַזוי סטראַטעגיש אַז זי זאָל פון די דייטשע שטעט ביים זאַאַלע און עלבע פאַרנעמען די סלאַווישע מערק און קומען אין פאַרבינדונג

מיט די סלאַווישע פירשטן וואָס זענען „גערן" אַ דייטשע איינוואַנדערונג, און אין ליבעק איבער וויזבי און רינגע צום באַלטיק צו די סלאַווישע פירשטנטומס ביז פסקאָוו און נאָווגאָראָד. ער ווייזט דאָרט אָן אַז די דאָזיקע מערק זענען שוין דעמאָלט פאַרנומען געווען פון יידן און איטאַליענער, וואָס האָבן געפירט דעם וועלטהאַנדל נאָך אַ סך פריער פאַר די דייטשן.

וואָס שייך דער באַציאונג פון דער „האַנזאַ" צו יידן, ברענגט פריץ רעריג אַ פראַזע פון אַ דייטשן כראָניקער אין יאָר 1499: „אין ליבעק זענען נישטאָ קיין יידן און נישט מען דאַרף זיי דאָרט האָבן". און רעריג גיט צו: „ער איז גערעכט געווען, אין ליבעק האָט מען אויך אָן יידן געפירט גרויסע געלטגעשעפטן. הלוואות, פראָצענטער, משכנות זענען דאָרט געווען אַ נאַטירלעכע זאַך און מען האָט פראַנק און פריי עובר געווען אויף דעם פאַרבאָט פון וואָכער און אויף דער קריסטלעכער מאָראַל בכלל, און יידן האָבן דאָך נישט נאָר געגעבן הלוואות, נאָר אויך געפירט אַ סחורה־האַנדל"... רעריג באַשולדיקט די „האַנזאַ" אין די שחיטות און גירושים וואָס זענען פאָרגעקומען אויף יידן אין גאַנץ דייטשלאַנד און אויך אין דער איינשליסונג פון יידן אין די געטאָס. ער באַשולדיקט די „האַנזאַ" אויך אין דער פאַרשפרייטונג פון דעם בילבול אַז יידן פאַרגיפטן די ברונעמער נאָך דער דרייסיקיעריקער מלחמה, ווען דייטשלאַנד איז געוואָרן אַ קרבן פון כאָליערע, שוואַרצן טויט און אַנדערע מגיפות.

וועגן דער באַטייליקונג פון יידן אינעם וועלטהאַנדל און ספעציעל צווישן די סלאַווישע שבטים, די מזרחדיקע ווי די מערבדיקע, זאָגן עדות אַ ריי היסטאָריקער, צווישן זיי מאַרטין ווינקלער: יידן זענען געווען סיי צווישן די גריכישע סוחרים וואָס האָבן פאַרנומען מיט זייערע שיפן דעם האַפן קאַפאַ (שפעטער פעאָדאָסיאַ) אויפן קרימער האַלבאינדזל, און סיי צווישן די איטאַליענישע (גענועזער). וואָס האָבן דעם האַפן אָוועקגענומען ביי די גריכן. די פעאָדאָסיער סינאַגאָגע, וואָס איז אַן אַרכיטעקטאָנישער מאָנומענט, איז אויסגעבויט געוואָרן אין יאָר 1000. צווישן די סלאַווישע שבטים וואָס האָבן נאָך דער הונען־פאַרפלייצונג אין 5טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן דעם מאַרש צו דרום, צו די באַלקאַנען, ווי צווישן די כאַזאַרן (אַ טאָטערישער שבט וואָס האָט צו יענער צייט אָנגענומען דעם יידישן גלויבן) ווייזט ווינקלער אָן אויף יידישע סוחרים, צווישן די „הענדלער פון אַלע אמונות" וואָס דער דאָזיקער מאַרש האָט צו זיך צוגעצויגן.

פון ווינקלערן דערוויסן מיר זיך אויך אַז עס איז גאָרנישט אַזוי זיכער דאָס וואָס די „האַנזאַ" האָט זיך אַליין איינגערעדט אַז די סלאַווישע שבטים זענען גערן געווען אַ דייטשע איינוואַנדערונג. קעניג מיעשקאָ דער ערשטער, וואָס האָט אָפגעשמדט פוילן אויף קאַטויליש, האָט דאָס געטאָן מיט דער אויסזיכט אַז דער פויפס יאָהאַן דער פופצנטער זאָל זי שיצן קעגן די פרייסן. וועגן דעם זאָגן עדות אויך די פוילישע פריווילעגיעס פאַר יידישע סוחרים.

יאָ, די יידן אין פוילן האָבן אויף זייער זייט אויך געהאַט פריווילעגיעס. איינע אַזאַ פריווילעגיע איז באַקאַנט אַלס די קאַלישער, געגעבן האָט זיי די פריווילעגיע באָלעסלאַוו דער קאַלישער, דער פרומער אָדער דער שעמעוודיקער, אין 1264. אָבער די דאָזיקע פריווילעגיעס זענען זיי געגעבן געוואָרן נישט ווי צו בירגער, נאָר ווי צו „געשיצטע". יידן אין פוילן אָדער אינעם פירשטנטום, אויב די פריווילעגיע איז זיי געגעבן געוואָרן פון אַ פירשט, זענען דורך זיי באַטראַכט געוואָרן ווי דאָס אייגנטום פונעם קעניג אָדער פונעם פירשט, פונקט ווי דער פויער־קנעכט וואָס איז געווען דאָס אייגנטום פונעם פריץ, פונעם פירשט און פונעם קעניג. יידן זענען אויך אין די פריווילעגיעס געשיצט געווען ווי אַן אייגנטום. לויט די פריווילעגיעס האָט מען אַ יידן נישט געטאָרט דערהרגענען, פונקט ווי מען טאָר נישט דערהרגענען דעם פריצס אַ בהמה אָדער אַ חיה. אויך געריכטלעך איז דער ייד געשטאַנען אונטערן שוץ פון דעם קעניג אָדער פירשט און פריץ. דאָס אייגענע פינאַנציעל.

אָבער איבער דעם קעניג און דעם פירשט און פריץ שטייט די קאַטוילישע קירך, די פוילישע קאַטוילישע קירך וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס אָפהענגיק געווען סיי פונעם פויפס און סיי פונעם קעניג. און די פוילישע קאַטוילישע קירך האָט באַדאַרפט האָבן די יידן גאָר צוליב עפעס אַנדערש ווי צוליב דער פאַרמיטלונג צווישן דעם פריץ און דעם פויער אָדער צוליב די שטייערן וואָס די מלוכה ציט פון זיי אַרויס, ווען אַפילו די פוילישע בישאָפן האָבן פאַרמאָגט גרויסע שטרעקעס לאַנד און מאַיאָנטקעס. — זיי האָבן איר באַדאַרפט דינען ווי אַ סטראַשידלע קעגן די פויערים. די יידן, האָט עס געדאַרפט הייסן, וואָס גייען נישט אין קאָשטשיאָל, זענען פאַרשאָלטענע מענטשן און האָבן נישט די ווערט דעם חסד וואָס דער קעניג שענקט זיי און לאָזט זיי לעבן. גאָט לאָזט זיי לעבן אויף דער וועלט ווי אַ וואָרענונג די גלויביקע קריסטן, זיי זאָלן זיין געהאָרכזאַם דער קירך און דער מלוכה, ווי עס שטייט געשריבן אין די הייליקע עוואַנגעליעס... און נישט נאָר האָט די פוילישע קירך צוליב דעם געהעצט אין אירע דרשות קעגן יידן ווי „סעגן טרינקער פון קריסטלעכן בלוט", וואָס מען דאַרף זיך פאַר זיי היטן, נאָר זי האָט באַדאַרפט באַווייזן אַז די קעניגן און די פירשטן גופא האַלטן זיי פאַר אומווערדיקע און לאָזן זיי דעריבער נישט וואוינען אין די הייליקע שטעט, אין די הויפטשטעט. די קירך פלעגט אָפטאַדלען סיי די גייסטלעכע און סיי די פריצים פאַר אָפגעבן זייערע מאַיאָנטקעס אין אַרענדע צו יידן.

אָט די פאָליטיק פון דער פוילישער קירך, וואָס האָט דערקלערט אַ ריי שטעט אין פוילן, דער עיקר אין דער מאַזאָוויע, וואו עס האָט זיך געפונען די הויפטשטאָט, אַלס „נאָן טאָלעראַנדיס יודעיס", וואָס דולדן נישט קיין יידן, איז געווען אויף דער האַנט פון די דייטשע בעל־מלאכות און הענדלער און זייערע „מאַגדעבורגער" מאַגיסטראַטן. זי איז עס געווען די הויפט־סיבה, פון דער, אין פלוג, ווידערשפרעכיקער האַנדלונג פון די פוילישע מלכים — פרומע קאַטאָליקן און גייציקע סיבאַריטישע מיוחסים אין איין און דער זעלביקער צייט — בנוגע די פוילישע יידן אין כלל. דאָס דערקלערט אויך דעם פאַקט, וואָס די מלכים גופא פלעגן ביי יעדן מאָל באַטרעטן דעם פוילישן טראָן באַנייען דעם פאַרבאָט־דעקרעט פון 1483 און תיכף אויף אים עובר זיין, ווי זיי פלעגן בכלל עובר זיין אויף די קריסטלעכע געבאָטן פון דעם אַלטן און דעם נייעם טעסטאַמענט, געטריבענע פון דעם יצר־הרע, פונעם שטן, וואָס זיצט אין דעם מענטש און וואָס באַזיצט אַן אומבאַגרענעצטע מאַכט. דאָס דערקלערט די גאַנצע פוילישע שטאַטס־חכמה זינט די ערשטע יאָרהונדערטער פון איר פעאָדאַלער עקסיסטענץ ביז די לעצטע יאָרן פון איר כלומרשטער נאַציאָנאַלער פרייהייט אַלס מאָדערנע קאַפיטאַליסטישע רעפובליק; זינט דעם שליסן שטעט פאַר יידישער איינוואוינערשאַפט ביז דערקלערן יידן פאַר איבעריק אין פוילן.

די טראַגישע געשיכטע פון דער עקאָנאָמישער און גייסטיקער אויספורעמונג פונעם פוילישן יידנטום איז דער פועל־יוצא פון אָט דער שטאַטס־חכמה, אַזוי אין פוילן און אַזוי אינעם צאַרישן רוסלאַנד, וואָס איז באַשטאַנען אין קאָנסערווירן, קעגן אַלע טענדענצן פון דער סאָציאַלער אַנטוויקלונג, די עקסיסטענץ און די אויבערמאַכט פון דעם ערדבאַזיצערישן שטאַנד אין דער מלוכה איבער דעם דאָרפישן און שטאָטישן, מיט אָדער אָן דער הילף פון דער קירך, דער רעזולטאַט פון אויפהאַלטן אין לאַנד אַן אייבערשטן שטאַנד מיוחסים, וואָס האַלטן אין זייערע הענט דאָס רייכטום, דאָס וויסן, די שיינקייט, די העלדישקייט, דעם וועזן און דעם גורל פון דער נאַציע; קיינער טאָר נישט זיין רייך, קיינער טאָר נישט זיין קלוג און שיין און העלדיש און קיינער טאָר אַפילו נישט חלומען וועגן פאַרשטעלן מיט זיך אָדער פירן דאָס לאַנד, אויסער דעם גוטבאַזיצערישן שטאַנד. אַלע אַנדערע זענען זיינע קנעכט, זיינע געשיצטע...

אין לאַנד וואַקסט אָן דער קלאַסן־באַוואוסטזיין אָדער שטאַנד־באַוואוסטזיין פון די שטאָטישע און דאָרפישע מענטשן, נאָר ער ווערט געהאַלטן דערשטיקט, דערנידעריקט און אונטערדריקט מיצד דעם הערשנדיקן שטאַנד און מיצד דעם דאָרפישן און שטאָטישן שטאַנד גופא, וואָס שטיקט אים אין זיך. די באַציאונגען צווישן זיי, אויב זיי ברעכן נישט אויס מיט רעוואָלט, ווערן זיי פאַלשע. שנאה אין האַרצן און חניפה אויף די ליפן. יידן האָבן דערביי אַ פריווילעגיע: זיי באַהאַלטן אויס די פאַלשע לאַגע זייערע אין זייער אייגענער אויסדערוויילטקייט, זיי טראָגן דאָך דעם איינציקן אמת פונעם אמתן גאָט, פאַר דעם דאָזיקן אמת ליידן זיי, און צו דעם דאָזיקן אמת זענען זיי געהייליקט, געלייטערט און אָפגעזונדערט, ווי אין די דריי טעג אָפגעזונדערטקייט פאַר דעם, ווי משה רבנו האָט זיי אַראָפגעבראַכט די תורה פונעם באַרג סיני. יידן לעבן דעמאָלט אין פוילן אַן אָפגעזונדערט רעליגיעז לעבן, אָפגעזונדערט מיט דער הלבשה, מיט דעם רוטאָג, מיט די ימים־טובים און מינה־

גים, מיט די מאַכלים, מיט דער שפּראַך, מיט די מאַנירן, מיט די האָפענונגען. יידן האָבן אַ משיח, יידן האָבן אַן אייגענעם הימל, אַן אייגענעם יום־הדין, וואָס באַלוינט און באַשטראָפט יעדן יידן לויט זיינע יידישע מעשים...

נאָר יידן קומען דאָך אין באַציאונג מיט דעם העכערן שטאַנד און לערנען זיך אָפּ פון אים זיינע מאַנירן, זיין שפּראַך, זיינע טענץ און זיינע לידער. צו ערשט די פרויען, וואָס זענען ווייניקער ווי די מענער געבונדן צו מיצווה און קענען ווייניקער ביישטיין דעם ניסיון פון „אומשיינקייט", דערנאָך די מענער. די דרויסנדיקע וועלט, דאָס אויסלאַנד, מיט זיינע אויפקלערונגס־אידייען, מיט זיין וויסן, רייסט זיך אריין און ברעכט אַלע צוימען, פונעם אַרויפגעצוואונגענעם און פונעם פריוויליקן געטאָ. יידן קומען אין באַרירונג מיטן פּויער, וואָס איז גייסטיק פאַרזונקען אין דער קאַטוילישער מיסטיק און האָט נאָך נישט אויסגעלעבט פון זיך די אַלטע געצנדינערישע גלויבונגען. און די יידישקייט נעמט זיך בייגן, ברעכן, באַקומען נייע געשטאַלטונגען, רבנים זענען מתיר לערנען אחוץ רעליגיעזן אויך וועלטלעכן וויסן, אַנדערע איז דאָס ווייניק פאַר זייער שטרעבן גלייך צו ווערן מיט דעם העכערן שטאַנד און זיי שמדן זיך, באַקומען מיט אַ מאָל דאָס רעכט צו באַזיצן ערד, צו זיין „שיין" און „פיין", „חשוב" און „געאַכט". אַנדערע, פאַרקערט, פאַרטיפן זיך אין דער יידישער מיסטיק, אין דער קבלה, ווילן אַראָפּברענגען משיחן פאַר דער צייט מיט צירופים און סיגופים, אַנדערע זוכן אַראָפּברענגען משיחן מיט רעליגיעז־פּאָליטישע מאַכינאַציעס, יודאיסטיש־מאַכמעדאַנישע אָדער יודאיסטיש־קריסטלעכע, ווי שבתי צבי און פראַנק, וואָס האָבן די מערסטע זייערע אָנהענגער געווערבירט איז פּוילן. עס קומען אויף בעלי מופתים ביי יידן, הייליקע מענטשן, וואָס באַווייזן וואונדער, וואָס ריידן זיך דורך מיט גאָט און לייענען דעם מענטשנס מחשבות... זיי באַשאַפן אַ נייע יידישקייט, דאָס חסידות, אַ יידישקייט פון עקסטאַז און באַהעפטונג מיט גאָט, אַ יידישקייט מיט עלעמענטן פון קאַטוילישער מיסטיק...

דאָס אייגנטלעך איז די גייסטיקע געשטאַלטונג פון דעם פּוילישן יידנטום ביז סוף אַכצנטן יאָרהונדערט, אויסגעפורעמט אין הסכם מיט זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישער געשטאַלטונג ביז יענער צייט. אין פּוילן, ווי אין יעדן פעאָדאַלן לאַנד, איז די פאַרשפּרייטסטע פאָרעם פונעם האַנדל דער יאַריד, דער וועכנטלעכער יאַריד וואָס שטעלט זיך אינעם שטעטל, וואו פּויערים קומען פאַרקויפן זייער תבואה, זייער בהמה, און איינקויפן וואָס זיי האָבן נייטיק צו זייער באַלעבאַטישקייט, געצייג, געשפּאַן, הלבשה, בכלל שטאָטישע אויסאַרבעטונגען, און דער יאָר־יאַריד, וואָס שטעלט זיך אין די גרעסערע שטעט און אַהין קומען פּריצים און גרעסערע סוחרים שליסן גרעסערע געשעפטן, יידן האַנדלען אויפן יאַריד. עס קומען אויף די יאַרידן אויך בעלי מלאכות, וואָס גרייטן אָן פאַרטיקע הלבשה צום פאַרקויפן אָדער אָננעמען באַשטעלונגען.

ביז דעם זיבעצנטן יאָרהונדערט איז דער יאַריד די הויפּטבאַשעפטיקונג פון יידן אין פּוילן. יידן באַשעפטיקן זיך דעמאָלט אויך מיט אָפּקויפן ביי דער רעגירונג די ליפערונג פון שפּייז און קליידער פאַר דער אַרמיי, מיט אָפּקויפן די הכנסה פון אַלערליי רעגירונגס־שטייערן, מיט דער מינצונג פון מטבעות פאַר דער רעגירונג, מיט הלוואות דער רעגירונג, די פּריצים און די יידישע הענדלער און בעלי־מלאכות. דאָס לעצטע קער זיך אויך אָן מיט די יאַרידן. הענדלער און בעלי־מלאכות נייטיקן זיך אין געלט אויף צוגרייטן סחורות צום יאַריד, און פּריצים קומען צום יאַריד נעמען הלוואות ביי יידן דורך זייערע מעקלער אָדער באַנייען די אַלטע חובות.

נישט אומזיסט האָט דער צענטער פון דער יידישער אויטאָנאָמיע אין פּוילן, דער „ועד ארבע ארצות", וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין מיטן זעכצנטן יאָרהונדערט אויף דער איניציאַטיוו פון קעניג זיגמונט דעם 1טן צוליב דעם קאָלעקטיוון אויפמאָנען דעם יידישן שטייער, געהאַט אַלס זאַמלפּונקט די גרויסע יאַריד־שטאָט לובלין, וואו עס פלעגן זיך צונויפפאָרן די פרנסים (מערסטנס גרויסע סוחרים) און די רבנים פון גאַנץ פּוילן.

די תקנות פון דעם ועד זענען אויך מערסטנס געווען יאַרידישע. אויף איינעם פון די יאַריד־צוזאַמענקומען איז, למשל, דורכגעפירט געוואָרן די רעפאָרם וואָס רופט זיך „היתר עיסקא", די רבנישע דערלויבעניש פאַר די מלווים צו נעמען גרעסערע פּראָצענטער ביי יידן אונטערן אויסרייד אַז מיט דער הלוואה ווערן די מלווים שותפים צום געשעפט וואָס דער לווה מאַכט מיט דעם געלט.

דער פאַקט איז געווען אַז אָט דער „היתר עיסקא" האָט געפירט צו באַנקראָט אַ גרויסע צאָל יידישע סוחרים. אַ סך פון זיי זענען אַנטלאָפן, מערסטנס קיין אויסלאַנד, קיין טערקיי, קיין רומעניע אָדער צוריק קיין דייטשלאַנד, פון וואַנען זייערע עלטערן זענען געקומען קיין פּוילן. אַ „בורח" פלעגט מען רופן אַזאַ אַנזעצער. אָבער אַזוי ווי נישט אַלע אַנזעצער האָבן געקענט אַנטלויפן, פלעגן זיי זיך נעמען צו מלאכה. אַזאַ ייד פלעגט זיך נעמען צו אַ „מלאכה נקיה וקלה", צו אַ ריינער און גרינגער מלאכה, ווי עס ווערט רעקאָמענדירט אין דער גמרא, ער פלעגט זיך אויסלערנען זייגער־מאַכעריי, גאָלדשמידעריי, שמוקלעריי, איינבינדעריי. געווען אָבער אויך אַזעלכע וואָס האָבן אויסגעפאָלגט אַן אַנדער רעקאָמענדאַציע פון דער גמרא: „פשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות", שינד אָפּ אַ נבלה אין מיטן מאַרק, נאָר קום נישט אָן צו מענטשן. דערפון איז אַרויסגעקומען אַ מוראַדיקע קאָנקורענץ צווישן יידישע בעלי־מלאכות, וואָס האָבן אחוץ דעם נאָך געמוזט קאָנקורירן מיט די נישט־יידישע, לייען דייטשע בעלי־מלאכות, וועלכע זענען געווען אָרגאַניזירט אין צעכן און געשיצט פון די מאַגיסטראַטן.

יידישע סוחרים האָבן דערצו נאָך געהאַט אַזאַ מין „פּריווילעגיע" קעגן איבער נישט יידישע. דער מאַגיסטראַט, אָדער דער וואָיעוואָדע פון דער געגנט, פלעגט אָפּטאַקסירן וויפל אַ סוחר מעג פאַרדינען אויף זיין אַריינגעפירטער סחורה פון אויסלאַנד, לויט דער ווייטערדיקער קאַטעגאָריע: אַן אָרטיקער קריסטלעכער סוחר האָט געמעגט פאַרדינען 7 פּראָצענט, אַן אויסלענדער אַ קריסט — 5 פּראָצענט און אַ ייד — בלויז 3 פּראָצענט. עס איז געקומען דערצו אַז יידן האָבן נישט געקענט צאָלן דעם יידישן שטייער דעם „ועד" און דער „ועד" האָט נישט געקענט צאָלן דער מלוכה. דעמאָלט איז געקומען פאַר יידן אַ „ישועה". דאָס איז געווען אַ ישועה וואָס האָט געקאָסט יידן הונדערטער טויזנטער קרבנות.

פּוילן איז זיך אין יענער צייט אומגעהייער צעוואַקסן, זי האָט אונטער זיך געהאַט אחוץ גרויס־און קליין־פּוילן, מאַזאָוויע, סאַנדאָמיר און לובלין, אויך ליטע, קורלאַנד און לעטלאַנד פון איין זייט און פון דער אַנדער זייט וואָלין, פּאָדאָליע און זאַפּאָראָזשיע, רוטעניע און גאַליציע. דאָס אַלץ זענען געווען „ערדן" וואָס זענען איבערגעגאַנגען צו די פּוילישע פירשטן און קלענערע פּריצים אין איינעם מיט די פּויערים אַלס לייב־אייגענע. אַרויסגעלאָזט האָט דעמאָלט די פּוילישע רעגירונג אַ לאָזונג: קאָלאָניזירן די ערדן! דאָס האָט געמיינט פּאָלאָניזירן, מאַכן פון די לענדער מיט אוקריינער און ווייס־רוסן פּוילישע קאָלאָניעס.

ווער זשע אָבער זאָל דאָס טאָן, ווען פּוילישע פּריצים טויגן נישט צו אַזאַ וואָכעדיקער און שוואַרצער אַרבעט? פּוילישע פּריצים זענען ריטער, זיי קענען פירן מילחמות און ליבעס, אָבער נישט קיין געשעפטן. דער פּלאַן איז געווען: אָפּגעבן די דערפער אין אַרענדע צו יידן, און איבער די שליאַכן אָוועקשטעלן קרעטשמעס, אויך אַרענדירטע צו יידן, וואָס זאָלן ווערן דער מיטלפּונקט פאַר נייע דערפער.

אַ נייע פרנסה איז אויפגעקומען פאַר יידן אין פּוילן: קרעטשמעס. יידן זענען געוואָרן אַרענדאַרן און פּאָסעסאָרן איבער גאַנץ וואָלין, פּאָדאָליע, רוטעניע, זאַפּאָראָזשיע, פּאָלטאַווטשינע און ווייסרוסלאַנד. זיי האָבן אָפּגעקויפט ביים פּריץ די הכנסה פונעם דאָרף און פונעם שענק און געצויגן די חיונה פון דער פּויערישער פּראַצע. פאַראַן ידיעות אַז די פּריצים פלעגן פאַרקויפן צו יידן — אַרענדאַרן אויך די הכנסה פון די קלויסטערס. אַלנפאַלס האָבן אוקריינישע פּויערים געשאַפן זייערע ווערטלעך אויף דעם גרונט און אוקריינישע דיכטער האָבן אויף דעם גרונט געזונגען וויינענדיקע לידער.

און ווען אין יאָר 1648, לויט דער יידישער צייט־רעכענונג ה'תח (פינף טויזנט פיר הונדערט מיט אַכט יאָר זינט די וועלט איז באַשאַפן), האָט אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון די זאַפּאָראָזשיער קאָזאַקן אין פּוילן, אָנגעפירט פון באָגדאַן כמיעלניצקי, זענען זיי איבערגעפאַלן נישט די פּוילישע פּריצים, נאָר די יידן אין די שטעט און שטעטלעך וואָס זענען געווען אויף צינדז ביי די פּרי־

צים, די אַרענדאַרן פון די קרעטשמעס און די פּאַסעסאָרן פון די דערפער.

לויט נתן נאָטע האַנאָווער, אין זיין כראָניק אונטערן נאָמען „יון מצולה", זענען אומגעקומען אין יענע געשעענישן 600.000 יידן. לויט מנשה בן ישראל, וואָס האָט וועגן די געשעענישן צוגעשטעלט אַ שריפט דער ענגלישער רעגירונג און געבעטן פאַר די געליטענע יידן דאָס רעכט אַריינצוואַנדערן קיין ענגלאַנד, זענען דעמאָלט אומגעקומען 180 טויזנט יידן. די כראָניקעס וועגן יענע געשעענישן האָבן בכלל אַזעלכע נעמען ווי „טיט היון", „בצוק העתים". יידישע היסטאָריקער נעמען אויף די געשעענישן פון ה'ת"ח פאַרשידן. דער דערמאָנטער האַנאָווער גופא שטעלט דאָרט אַרויס די פּוילישע פּריצים ווי צדיקים, ווי יידישע פאַרטיידיקער. ד"ר י. שאַצקי, אין זיינעם אַ קאָמענטאַר איבער האַנאָווערס „יון מצולה", ווייזט גראָד אָן די שולד פון די פּריצים.

אין דעם זעלביקן צייטאָפּשניט פון דעם קאָזאַקן־אויפשטאַנד קעגן פּוילן (1648—1658) אין מזרח־זייט, האָט דאָס פּוילישע מיליטער אין די געגנטן פון קליין־און גרויס־פּוילן, אָנגעפירט פון דעם העטמאַן טשאַרנעצקי קעגן די שוועדן, גערויבט און געמאָרדעט יידן פאַר זייער כלומרשטער פריינדשאַפט צום שונא. לויט אייניקע היסטאָריקער זענען פון טשאַרנעצקיס האַנט אומגעקומען נישט ווייניקער יידן ווי פון כמעלניצקים.

די אויסוואַנדערונג פון פּוילן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אָנפאַנג די פערציקער יאָרן פונעם 17טן יאָרהונדערט צוליב דעם קריזיס אין יידישן האַנדל, האָט איצט באַקומען אַ פּאַנישן כאַראַקטער. אַ סברה אַז די ידיעות וועגן דעם אומגליק אין פּוילן, וואָס אַנטלאָפענע און געפאַנגענע יידן האָבן געבראַכט מיט זיך קיין טערקיי, האָבן אונטערגעאיילט די „התגלות" פון דעם פאַלשן משיח שבתי צבי.

נאָך די געשעענישן, וואָס האָבן צעטרייסלט דאָס פּוילישע יידנטום עקאָנאָמיש און גייסטיק, האָט דער „ועד ארבע ארצות" געפּרואווט צוריק באַפעסטיקן דעם יידישן מעמד, דער עיקר זיין איינגענעם פּרעסטיזש אַלס ערוב ביים מלכות פאַר דעם יידישן שטייער, נאָר דאָס איז אים נישט געלונגען און יידן האָבן גענומען צאָלן זייער שטייער נישט קאָלעקטיוו, נאָר „פּער קאָפּ". דער ועד האָט זיך פון דעמאָלט אָן שוין באַשעפטיקט מיט בלויז יידישקייט־אינטערעסן, מיט דעם קאַמף קעגן שבתי צבי, פראַנק און די ערשטע חסידים קעגן הפקירות פון די ווייבער, מיט חרם און מוסר. דער ועד איז געווען הילפלאָז קעגן דער אומאויפהערלעכער עקאָנאָמישער ירידה פון דעם האַלבן מיליאָן פּוילישע יידן און קעגן די אָפטע איבערפאַלן פון די קאָזאַקן אויף די אוקריינישע יידן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער פּוילישע ממשלה. די דאָזיקע איבערפאַלן האָבן זיך געצויגן אַ משך פון הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, ביז זיי האָבן זיך פאַרענדיקט מיט די איבערפאַלן פון דער „היידאַמאַטשינע" איבער הויפּט אין פּאָדאָליע, אין יאָר 1768, אַ פערטל יאָרהונדערט פאַר דעם ווי דער דאָזיקער טייל אוקריינע איז געוואָרן די פּאָדאָליער גובערניע פון דעם צאַרישן רוסלאַנד.

אין אָט דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט, וואָס איז אויך געווען דאָס לעצטע פערטל יאָרהונדערט פון דער פּוילישער מלוכה פאַר איר לעצטער צעטיילונג, האָט די פּוילישע געזעלשאַפט גענומען זוכן וועגן ווי צו לייזן די יידן־פראַגע אין פּוילן. אָבער, מערקווירדיק, אויסער איינעם, דעם ראַדיקאַל קאָלאָנטיי, איז קיין איינעם פון די רעפאָרמער און אויסבעסערער פון דער יידישער לאַגע אין פּוילן נישט איינגעפאַלן צו פאָדערן פאַר די יידן גלייכע רעכט מיט פּאָליאַקן. טייל האָבן גלייך געפאָדערט באַפעסטיקן די אַלטע קלעריקאַל־פּריצישע אַנטי־יידישע פּאָליטיק, נאָר מיט אַ צוגאָב: „איבערדערציען די יידן" אָדער אונטערוואַרפן זיי אַ „צוואַנגס־בילדונג". אַזאַ פּראָיעקט מיט דעם ערשטן צוגאָב האָט אין יאָר 1780 אַריינגעטראָגן אין סיים דער געוועזענער פּוילישער אויסערן־מיניסטער אַנדזשעי זאַמאָיסקי. פאַר דער צווייטער ריכטונג זענען געווען די ליבעראַלן בוטרימאָוויטש און טאַדעוש טשאַצקי.

וואָס אַזוינס יענע פּוילישע ליבעראַלן האָבן געמיינט מיט צוואַנגסבילדונג, האָט בוטרימאָוויטש שפּעטער אויפגעקלערט אין אַן אַנאָנימער בראָשור, וואָס איז דערשינען אין 1782 און פון אים אַרויסגעגעבן אין 1789: אָפּנעמען ביי די קהילות (ביי די „קאָהאַלן" הייסט עס ביי אים) די אַדמיניסטראַטיוו־פינאַנציעלע פונקציעס און איבערלאָזן פאַר זיי נאָר די השגחה איבער די רעליגיעזע מינהגים; אין רעליגיעזן און אַפילו פּריוואַטן בריוווטויש באַנוצן בלויז פּויליש; יידישע רעליגיעזע ספרים איבערזעצן אויף פּויליש און יידישע געדרוקטע ספרים נישט אַריבערלאָזן די גרענעץ; די טראַדיציאָנעלע יידישע הלבשה פאַרבייטן מיט פּוילישער; פאַרבאָטן יידן האַלטן שענקען אין די דערפער, נאָר דערלויבן זיי האַלטן אין אַרענדע פּריצישע ערד און די וואָס באַשעפטיקן זיך דערמיט דערלויבן פריי באַוועגן זיך פון איין אָרט אויפן צווייטן. צו דעם פּראָיעקט האָט בוטרימאָוויטש בלויז צוגעגעבן אַז יידן דאַרפן נישט צוגעלאָזט ווערן צום מיליטערישן דינסט ביז זיי וועלן זיך נישט דורכדרינגען מיט דעם נייעם גייסט און מיט דעם פּוילישן פּאַטריאָטיזם.

קאָלאָנטיי האָט געפאָדערט פאַר יידן גלייכע בירגעררעכט, אָבער... זיי זאָלן זיך אָפּראַזירן די בערד... טשאַצקיס פּראָיעקט איז געווען אַ וואַריאַציע פון בוטרימאָוויטשעס, מיט אַ צוגאָב פון אַ רעפאָרם בנוגע חתונות ביי יידן. די אַלע פּראָיעקטן, אַריינגעטראָגן אינעם 4יאָריקן סיים (1788—1792) זענען איבערגעגאַנגען צו אַ סיים־קאָמיסיע וואָס איז געווען „פאַרוואָרפן מיט אַרבעט" און האָט קיין צייט נישט געהאַט מיט דעם ענין זיך צו באַשעפטיקן... נאָך אַ הייסער רעדע פון בוטרימאָוויטשן אינעם סיים אין 1791 וועגן דעם „אומגליקלעכן פאָלק וואָס קען זיך אַליין נישט העלפן און ווייסט אַפילו נישט אין וואָס זיין הילף באַשטייט", און נאָך אַ צווייטער רעדע פון דעם דעפּוטאַט יעזשערסקי, וואָס האָט געזאָגט אַז יידן זענען „נוצלעכע איינוווינער" און „נישט מען דאַרף זיי ערשט נוצלעך מאַכן", האָט דער סיים מסכים געווען אַרויפצונעמען די יידן־פראַגע אויף דער טאָג־אָרדענונג, נאָר מיט דעם באַדינג אַז יידן זאָלן אָפּצאָלן זייערע חובות דער רעגירונג...

נאָר פּוילן איז זיך צעפאַלן און דער סיים האָט זיך מיט דער לייזונג פון דער יידן־פראַגע אין פּוילן די אַלע פיר יאָר, וואָס ער האָט נאָך געלעבט זינט 1791, נישט באַשעפטיקט. דאָך האָבן יידן באַקומען, אויפן פּאָליציייאישן וועג, געוויסע פאַרלייכטערונגען, מען האָט דערלויבט יידן האַלטן נישט־יידישע דינערשאַפט און מען האָט פאַרבאָטן די מאַגיסטראַטן אַרויפלייגן אויף יידן העכערע שטייערן ווי זיי האָבן געצאָלט ביז דעמאָלט.

פאַראַן אַ ידיעה, נישט קיין באַשטעטיקטע, אַז דער קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט האָט אויפגענומען אַ יידישע דעלעגאַציע אין דער צייט פונעם פיריאָריקן סיים (1788—1792), וואָס האָט אים צוגעשטעלט אַ פּעטיציע וועגן שענקען יידן בירגעררעכט, רעכט צו קויפן הייזער און פּלעצער אין די שטעט, די יידישע קהילות זאָלן בלייבן ביי זייער אויטאָנאָמיע, און גאַראַנטירן יידן זייער אומאָפּהענגיקייט פון די מאַגיסטראַטן. די דעלעגאַציע האָט אים אויך פאַרגעלייגט אַ גרויסן סכום געלט אויפן יידישן חוב דער קעניגלעכער קאַסע.

אַ צווייטע ידיעה, אַ גאַנץ באַשטעטיקטע, גיט איבער אַ צוגעשטעלטע שריפט דעם קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט בעת דעם פיריאָריקן סיים, מצד זיין יידישן מעקלער אברהם הירשאָוויטש, וואָס ווייזט אָן אַז „מען וואָלט באַדאַרפט צוציען יידן צו מלאכה און ערדאַרבעט, פאַרבאָטן יידן פריִע חתונות, רבנים זאָלן פאַרבלייבן נאָר אין גרויסע שטעט, מחמת אין די קליינע שטעטלעך באַקומען זיי שטעלעס ביי די גוט־באַזיצער און לייגן דערנאָך אַרויף שווערע שטייערן אויף זייער עדה, די קהילות נישט אָפּשאַפן נאָר די רעגירונג זאָל רעגולירן זייערע תקנות, וואָרעם „יידן אַליין קענען פאַר זיך קיין קלוגע תקנות נישט איינפירן".

פון די אַלע פּראָיעקטן, פּוילישע און יידישע, ווי צו פאַרבעסערן די יידישע לאַגע אין פּוילן, איז צו זען אַז צו יענער צייט איז אָנגעוואַקסן אין פּוילן עפּעס אַזוינס וואָס האָט געצוואונגען, גראָד נישט אַזוי די מאַסן פּוילישע יידן — וואָס זייער צאָל האָט שוין דעמאָלט געגרייכט צו העכער 900.000 — וואָס „קענען אַליין פאַר זיך קיין קלוגע תקנות נישט איינפירן", זיך צו פאַרטראַכטן אויף דער געשאַפענער לאַגע, נאָר אונדזערע אַלטע באַקאַנטע „קלוגע לייט", איינפירער און פאַרזאָרגער, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן פילן ווי נישט אין זייערע טעלער, מיט דעם אויפקום פון דעם נייעם שטאָטישן שטאַנד.

דער נייער שטאַנד איז גאָרנישט קיין ענלעכער צו דעם איינגעשטאַנענעם דייטשן בירשענקער און שינקען־פּאַרקויפער, וואָס פירט אָן מיט דעם מאַגיסטראַט. דער נייער שטאָטישער שטאַנד, דער יאַרידניק, דער טרעגער, דער פורמאַן, דער בעקער, דער שוסטער און שניידער, איז אַ מענטש. אַ רירעוודיקער, מיט אַ פלינקן מוח, ער אָריענטירט זיך שנעל, פאַרלירט זיך נישט און איז גאָרנישט אַזאַ פּחדן ווי דער פּוילישער פּריץ האָט זיך איינגערעדט... דער דאָזיקער האָרעפּאַשנער עולם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם רוב מנין פון אָט דעם קנאַפּן מיליאָן פּוילישע יידן, האָט שוין דעמאָלט אָנגעזאָגט דעם אויפקום פון אַ רעוואָלוציאָנערן כוח אין פּוילן, אַזאַ ווי דער וואָס האָט צערודערט פראַנקרייך און גרייט זיך שוין שטורעמען די פּאַריזער באַסטיליע...

די 500 יידישע רייטער פון בערעק יאָסעלעוויטשעס קאַוואַלעריע־רעגימענט, וואָס איז אַרויס מיט אַזאַ גבורה און אויפּאָפּערונג אין 1794 אויף דער זייט פון קאָשציושקאָ קעגן דעם פּרייסיש־רוסישן מיליטער וואָס האָט באַזעצט פּראַגע, זענען דאָך נישט פונעם הימל אַראָפּגעפאַלן. זיי האָט פון זיך אַרויסגעגעבן די „יידן־ריינע" וואַרשע, יענע יאַרידניקעס און פורמאַנעס, וואָס פלעגן נעמען דעם דייטשן מאַגיסטראַט אויף זיכער און גראָד פאַרבלייבן אין וואַרשע נאָכן יאַריד... דאָס זענען יענע שניידער און שוסטער וואָס פלעגן בעת אַן איבערפאַל פון די וואַרשעווער דייטשן זיך נישט לאָזן שפּייען אין דער קאַשע...

דאָס האָבן זיי אַרויסגערופן די זאָרג „פאַר יידן" ביי בוטרימאָוויטשן און טשאַצקין און געעפנט די אויגן ביי יעזשערסקין אַז מען דאַרף זיי נישט ערשט נוצלעך מאַכן, נאָר זיי זענען לאַנג שוין נוצלעך פאַרן לאַנד. און דאָס האָבן זיי אַרויסגערופן ביי דעם פּריצישן יידן אברהם הירשאָוויטש זיין ביטעשריפט צום קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט, ער זאָל זען צוציען יידן צו מלאכה און ערדאַרבעט. אמת איז אַז צו מלאכה האָט מען זיי נישט געדאַרפט „צוציען", ווייל פּוילישע יידן האָבן שוין צו יענער צייט געגעבן פון זיך 50 פּראָצענט פון דער צאָל בעל־מלאכות איבערן גאַנצן לאַנד און האָבן שוין אויך פאַרנומען אַ געוויסן אָרט אין דער אַגריקולטור, אַלס פּאַכטער פון סעדער און קולטיווירער פון גרינסן. זיי זענען שוין אויך געווען פישער און פליטן־פירער איבער דער ווייסל. זיי זענען נאָר נישט געווען קיין פּויערים־קנעכט אינעם פּריצישן זין פון וואָרט. אויך זענען זיי שוין געווען גאָרנישט אַזוי געזעלשאַפטלעך אומבאַהאָלפן ווי די פּני האָבן געמיינט. די יידישע בעל־מלאכות האָבן שוין דעמאָלט געהאַט זייערע אייגענע צעכן, וואָס פלעגן זיי פאַרטיידיקן קעגן די נישט־יידישע אָדער דייטשע. די בעל־מלאכישע שילן אין די שטעט און שטעטלעך, וואָס די „באַלעבאַטישע" און גבירישע שילן פלעגן קוקן אויף זיי מיט ביטול און חוזק, זענען אויך געווען שטאַנד־פּאָזיציעס פון די יידישע האָרעפּאַשניקעס, די פאָרגייער פון דעם אָרגאַניזירטן יידישן פּראָלעטאַריאַט אין פּוילן.

די מערסטע פּוילישע פּריצים און באַזונדערס דער קלער האָבן פאַר אָט דער עוואָלוציע פון פּוילן, וואָס יידן האָבן אין איר געהאַט דעם גרעסטן חלק, קיין אויגן נישט געהאַט, פּונקט ווי זיי האָבן קיין אויגן נישט געהאַט פאַר דער עוואָלוציע פון גאַנץ אייראָפּע, וואָס פּוילן האָט צו איר געקלעפּט, אַלס דאָס מערבדיקע סלאַוונטום. דער גרעסטער טייל פון דער קאַטוילישער שליאַכטע, אַ גייסטיק געפירטע פון די פּוילישע יעזואיטן, האָט נאָך אַלץ געלעבט מיט די פּוילישע אידייען פון 13טן יאָרהונדערט, ווען דער קלער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער פּריווילעגיע וואָס באָלעסלאַוו דער קאַלישער האָט געגעבן די יידן אין 1264, מיט אַ קעגן־רעזאָלוציע און פּראָטעסט אויפן בראַצלאַווער עקומענישן קאָנסיליום פון 1267. דער קלער האָט די רעזאָלוציע איבערגעחזרט אויפן קאַלישער קאָנסיליום פון 1420, און געהאָלפן די מאַגיסטראַטן מיט אַנטי־יידישע העצעס און בלוט־בילבולים וואו נאָר דאָס האָט זיך געלאָזט. באַזונדער בייז איז דער פּוילישער יעזואיטישער קלער געוואָרן אין דער צייט פון דער רעפאָרם־באַוועגונג אין דייטשלאַנד קעגן דעם קאַטויליציזם אין די צוואַנציקער יאָרן פונעם 16טן יאָרהונדערט, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אויך אין פּוילן. די יעזואיטן האָבן די באַוועגונג געשילדערט ווי אַ יידישע. אין 1539 האָט די קאַטוילישע קירך פאַרברענט אויפן שייטער אַ לעבעדיקע די קראָקאָווער פּוילישע פּריידיקערין פון דער רעפאָרם, קאַטאַזשינאַ מאַליעשאָווסקאַ, אַלס „איבערגעגאַנגענע צום יידישן גלויבן".

דער סיום פון יאָר 1538 האָט אונטער דער העצע שטרענגער געמאַכט די אַנטי־יידישע געזעצן און דערין דאָס געזעץ. אַז יידן מוזן טראָגן זייער ספּעציפישע הלבשה, וואָרעם „יידן ווייזן אַרויס אומאַכטונג צו די אַלטע איינפירונגען און האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די סימנים וואָס גיבן אַ מעגלעכקייט זיי אויסצוטיילן פון קריסטן און האָבן זיך צוגעאייגנט מלבושים גאַנץ ענלעכע צו די קריסטלעכע, כדי מען זאָל זיי נישט דערקענען צווישן די קריסטן (אוט אינטער קריסטיאַנאָס דיגנאָסצי נאָן פּאָסינט). אין דער צייט פון דעם פּוילישן נונציוש פּיאָטר האמראַט, וואָס ציט זיך פון אָנהייב די פערציקער ביז סוף די פופציקער יאָרן, בייגן זיך די פּוילישע „מלכי חסד", די ליבעראַלע קעניגן זיגמונט־אויגוסט און סטעפאַן באַטאָרי פאַר דער דאָזיקער קריסטלעכער פּאָליטיק און לאָזן פריי די יעזואיטישע העצער און דאָס איבערפאַלן יידן מיצד די „זשאַקעס", ווי מען האָט גערופן די תלמידים פון די יעזואיטישע סעמינאַרן, און יידן פלעגן זיך מוזן פון זיי אויסקויפן מיט אַ ספּעציעלן צינדז. די פּוילישע שליאַכטע און איר קלער פון סוף אַכצנטן יאָרהונדערט האָט דערום באַטראַכט די דערמאָנטע פּראָיידישע פּראָיעקטן ווי אַ ניי אומגליק אויף דער קאַטוילישער קירך.

עס איז זיך נישט צו וואונדערן וואָס אין משך פון אָט די יאָרהונדערטן יעזואיטיש־שליאַכטישער הערשאַפט אין פּוילן זענען אַ סך יידן נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון און זענען איבערגעגאַנגען צום הערשנדיקן גלויבן, ביפרט ווען עס האָבן זיך באַוויזן די רעפאָרם־ריכטונגען אין דעם קריסטנטום פון איין זייט און די יידיש־קריסטלעכע קאָמבינאַציעס פון דער צווייטער זייט. די אוניאַטישע באַוועגונג אין פּוילן, וואָס האָט אָפּגעוואָרפן די דאָגמע פון דער דריי־איינקייט, און שפּעטער די פראַנקיסטישע, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט דער מאַטעריאַליזירונג פון דער קבלה און אָפּשאַפן די תרי"ג מיצוות (כדי „גלייך צו ווערן מיט די גויים") און האָט פאַרענדיקט מיט שמד, האָבן אַ גרויסע צאָל יידן לייכטער געמאַכט דאָס אָפּזאָגן זיך פון דער יידישער עדה און אַריינטרעטן אין.. דער שליאַכטע.

וואַרשע, וואָס האָט צו זיך געצויגן די יידן פון גאַנץ פּוילן ווי אַ שטאָט פון פּרנסה און האָט געהאַלטן פאַרשפּאַרט פאַר זיי אירע טויערן און אירע גאַסן מיט אַלטע און אָפּט באַנייטע דעקרעטן, פאַרנעמט דעם ערשטן פּלאַץ צווישן די פּוילישע שטעט מיט משומדים. דעם פּלאַץ האָט זי פאַרנומען נאָך פאַר 1759, ווען דער אַוואַנטוריסט — משיח יעקב פראַנק האָט זיך דאָרט אָפּגעשמדט אין איינעם מיט עטלעכע הונדערט פון זיינע אָנהענגער.

אַז דער פּוילישער קלער פלעגט כאַפּן אין דער נעץ פון דעם נישט־לעגאַלן יידישן וואוינרעכט אין געוויסע פּוילישע שטעט. דער עיקר אין וואַרשע, נישט נאָר יידישע נשמות, נאָר אויך מאַטעריעלע, גאָרנישט קריסטלעכע פאַרדינסטלעך, זאָגט עדות אַן אַקט וואָס געפינט זיך פאַרשריבן אין די ביכער פונעם וואַרשעווער מאַגיסטראַט פון יאָר 1691: צו דער חתונה פון דעם קרוינפּרינץ יאַקוב סאָביעסקי, האָט דער מאַגיסטראַט אים געוואָלט אונטערטראָגן ווי אַ דרשה־געשאַנק אַ נייעם פאַרבאָט פאַר יידן צו דינגען קראָמען אויפן וואַרשעווער מאַרק. אויף דורכצופירן דעם באַשלוס האָט דער מאַגיסטראַט געמאַכט די אָנגעוויזענע הוצאות: דעם קרוין־מאַרשאַלעק פאַר נישט דערלאָזן יידן אַריינקומען אין שטאָט — 66 זלאָטעס, דעם קסיאָנדז פאַר אַ מוסר־דרשה פאַר די פּריצים נישט צו געבן די יידן זייער פּראָטעקציע — 6 זלאָטעס, דעם קרוין־קאַנצלער — פּאָמעראַנצן און ציטרינען אין ווערט פון 54 זלאָטעס און קלענערע סכומים צו קלענערע באַאַמטע...

און דאָ גייען מיר איבער צו דער כראָניק וועגן דעם געראַנגל פון די וואַרשעווער יידן פאַר זייער וואוינרעכט אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט, לויט די אַרבעטן פון מ. באַלאַבאַן, מ. ווישניצער און ע. רינגעלבלום.

מ. באַלאַבאַן שרייבט (ציטירט פון יובל־אויסגאַבע „היינט" 1908—1928, פּ. ק.) אַז „ביז סוף 16טן יאָרהונדערט זענען די באַמיאונגען פון איינצלנע יידן ווי אויך פון גרעסערע גרופּעס אומצוגיין דאָס געזעץ און זיך באַזעצן אין שטאָט געווען אומזיסט" און אַז „יעדעס מאָל איז זייער פּלאַן צו נישט געוואָרן פונעם

מאַגיסטראַט וואָס האָט שטרענג מקפּיד געווען אַז אין וואַרשע זאָל זיך נישט פאַרוואָרצלען קיין יידישער יישוב", אַז „ווען די פּוילישע רעזידענץ און צוזאַמען מיט איר די סיים־סעסיעס זענען איבערגעטראָגן געוואָרן קיין וואַרשע, האָבן די פּריצישע סענאַטאָרן און דעפּוטאַטן מיטגעבראַכט קיין וואַרשע „זייערע יידן", אַז „ווען דער סיים פלעגט געשלאָסן ווערן, האָבן די יידן נישט געטאָרט לענגער בלייבן אין שטאָט און האָבן געמוזט אַוועקפאָרן מיט זייערע סחורות, נאָר מיט דער צייט האָט מען דערלויבט אַלע יידן וואוינען אין וואַרשע בעת די סיים־סעסיעס ווי אויך צוויי וואָכן פריער און צוויי וואָכן שפּעטער. און דאָס האָבן אַ טייל יידן אויסגענוצט און האָבן מאַגאַזינירט זייערע סחורות אויף אַ לענגערע צייט און אויף אַזאַ אופן געהאַט אַ סטאַבילן זיץ".

מ. ווישניצער, ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, שרייבט אַז דער געזעץ איז בכלל געווען אַ טויטער בוכשטאַב און גיט אָן אַלס באַווייז דאָס וואָס באַלד נאָך דער באַנייאונג פונעם דעקרעט פון יאָר 1483 מצד זיגמונט דעם 1טן אין יאָר 1527, ווען ער האָט פאַראייניקט מאַזאָוויע צו דער פּוילישער מלוכה, האָט ער אַליין פאַראָרדנט דעם וואַרשעווער וואָיעוואָדע אַז נישט־יידישע בעלי־חובות צו שטאָטישע אָדער אויסערשטאָטישע יידן דאַרפן זיך צושטעלן צום יידישן געריכט. ע. רינגעלבלום (זע „יידן אין וואַרשע אין 18טן י"ה און זייער רעכטלעך־געזעלשאַפטלעכע לאַגע". 2טער באַנד „היסטאָרישע שריפטן" פון ייוואָ, ווילנע 1937) שרייבט, אויפן גרונט פון אַרכיוו־מקורים, אַז „די מאַכט האָט נאָר געוויסע קאַטעגאָריעס יידן דערלויבט צו וואוינען, אָבער אויך אָן פרויען און קינדער. פון דעסטוועגן האָבן יידן שטענדיק געוואוינט אין וואַרשע. געווען צווישן זיי אַזעלכע וואָס זענען דאָ געבוירן געוואָרן און דאָ אָפּגעלעבט אַלע זייערע יאָרן, אין די געריכטן דערקלערן יידן אַז זיי וואוינען אין וואַרשע אַפילו צו 40 יאָר. די גרושים פון צייט צו צייט זענען געווען אַ טרויעריקער אינטערמעצאָ, וואָס דעמאָלט האָבן די אָרעמע שיכטן געמוזט פאַרלאָזן וואַרשע אָדער זיך ערגעץ וואו אויסבאַהאַלטן. די רייכערע האָבן אונטער דער שוץ פון די פּריצים זיך באַוועגט מער ווייניקער פריי אַפילו אין יענע שווערע צייטן".

דער היסטאָריקער, העלד און קדוש פון וואַרשעווער געטאָ, וואָס ווידמעט דאָס דערמאָנטע שטודיום אין די ייוואָ־שריפטן דער פראַגע צי האָט עקסיסטירט אין 18טן י"ה אַ יידישע קהילה אין וואַרשע, שרייבט דאָרט: לעגאַל כלפּי חוץ האָט קיין יידישע קהילה נישט געטאָרט עקסיסטירן. אין דער אמתן אָבער האָט זיך דער יידישער כלל אָרגאַניזירט אין אַ קערפּערשאַפט, וואָס האָט, אמת, כלפּי חוץ נישט געהייסן קהילה, האָט אָבער פּאַקטיש אויסגעפירט די זעלביקע פונקציעס ווי אַ קהילה. אַזאַ אָרגאַניזירטער ייד' קאָלעקטיוו האָט געמוזט זיין אין וואַרשע, און האָט כסדר געמוזט שטיין אויף דער וואַך פון די אָרטיקע יידישע אינטערעסן, מען האָט אָן אויפהער געמוזט זאַמלען געלט אויף מתנות פאַר פאַרשיידענע הויכגעשטעלטע פּערזאָנען, מען האָט כסדר געמוזט קעמפן „מיט דער יידישער שווערד" — ווי מען פלעגט אָנרופן שוחד — כדי די יידישע רעכט אין וואַרשע זאָלן נישט געמינערט ווערן. אויסער דעם האָט דאָך עמעצער געמוזט זאָרגן פאַר די רעליגיעזע הצטרכותן פון דער יידישער עדה אין וואַרשע".

ווי מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, האָט זיגמונט דער 1טער פאַראָרדנט דעם וואַרשעווער וואָיעוואָדע וועגן נישט־יידישע בעלי־חובות, וואָס דאַרפן געהאָרכן דעם יידישן בית־דין. שרייבט וועגן דעם ע. רינגעלבלום אַז „די מאַרשאַלעק־מאַכט האָט נישט אָנערקענט די רבנים וואָס האָבן געהאַט אַן אויטאָריטעט, און האָט אויף זייער אָרט באַשטימט פון זיך דיינים. דאָס האָט אָבער קנאַפּ וואָס געהאָלפן. יידן פלעגן גיין נישט צו די דאָזיקע פון דער מאַכט נאָמינירטע גייסטלעכע באַאַמטע, נאָר צו די אומלעגאַלע רבנים, וואָס צו זיי האָבן זיי געהאַט צוטרוי". „עס האָט אויך עקסיסטירט אַ מין געהיימער שטענדיקער בית־דין, וועלכער האָט אָנגעקניפּט אַ גאָר אַלטע טראַדיציע. דער דאָזיקער בית־דין האָט זיך געפונען אין דעם זעלביקן הויז, וואו עס האָט זיך אין מיטל־עלטער געפונען די יידישע שיל אויף דער גאַס דונאַי".

קעניג זיגמונט אויגוסט האָט דעם דעקרעט באַנייט אין יאָר 1570 און אין אים פיגורירט שוין אַ פּונקט אַז יידן איז פאַרבאָטן צו וואוינען סיי אין דער אַלטער און סיי אין דער נייער וואַרשע, אַפילו אין דער צייט פון די סיים־זיצונגען, אויב דער קעניג געפינט זיך דעמאָלט אין שטאָט. ווייטערדיקע פּונקטן אין דעם באַנייטן דעקרעט גיבן שוין גאַנץ דייטלעך צו וויסן פון וואַנען דער אַנטי־יידישער פאַרבאָט האָט געשטאַמט: „יידן טאָרן זיך נישט באַשעפטיקן אין וואַרשע נישט מיט האַנדל און נישט מיט קיין שום אַנדער באַשעפטיקונג וואָס קען אַוועקנעמען פּרנסה ביי די שטאָטישע איינוואוינער, יידן טאָרן נישט אַריינקומען קיין וואַרשע אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש פון מאַגיסטראַט, יידן טאָרן זיך נישט באַזעצן און נישט האַנדלען ביז צוויי מייל אַרום דער שטאָט, מעג דאָס אָרט זיין דאָס אייגנטום פון וועמען עס איז, דער ענין וואוינרעכט פאַר יידן אין וואַרשע און צוויי מייל אַרום דער שטאָט געהערט אויסשליסלעך צום מאַגיסטראַט און טאָר נישט זיין פאַרבונדן מיט וועלכן עס איז אויסנאַם וואָס דער קעניג אָדער זיינע יורשים מאַכן לטובת דעם אָדער יענעם יאַריד". דער יידישער שונא איז דער דייטשער קאָנקורענט, אַ געשיצטער פונעם מאַגיסטראַט.

קעניג סטעפאַן באַטאָרי, וואָס האָט געקעניגט איבער פּוילן פון 1576 ביז 1586, האָט געשמט אַלס איינער פון די יושרדיקסטע פּוילישע קעניגן. ער האָט באַלד ביי זיין קומען צו דער מאַכט, אויף דער בקשה פון די טראָקער, נאָוואָגרודקער, גראָדנער, פּינסקער און טיקאָטשינער יידן אַרויסגעלאָזט אַ „ליסט" וואָס פאַרווערט צו באַשולדיקן יידן אין גנבענען און דערמאָרדן קריסטלעכע יינגלעך, די שולדיקע אין פאַרשפּרייטן אַזעלכע קלאַנגען וועלן צוגעצויגן ווערן צום געריכט ווי בלבול־מאַכער און פאַרלוימדער, און די וואָס וועלן צוברענגען אַזעלכע בלבולים צו דער מאַכט — באַשטראָפט ווערן מיט טויט; מיט אַ יאָר שפּעטער האָט ער דעם דעקרעט אָנגעווענדט אין שייכות מיט אַ בלוט־בלבול אינעם ליטווישן שטעטל וואָין, און אין זיין צייט (1580) איז געגרינדעט געוואָרן דער „וועד ארבע הארצות"*) וואָס איז געווען די איניציאַטיוו פון זייער פאָרגייער זיגמונט אויגוסט, ער האָט אָפּגעשאַפט די ספּעציעלע יידישע שבועה אין געריכט, די „מאָרע יודאיקא", וואָס איז געווען אַ דערנידערונג פאַר יידן, האָט פאַרבאָטן משפּטן יידן לויטן מאַגדעבורגער רעכט (דאָס אויטאָנאָמע רעכט פונעם מאַגיסטראַט), וואָס דאָס האָט געמיינט, פון די אויסגעשפּראָכענע שונאים פון די יידישע איינוואוינער. און אָט דער קעניג „אוהב ישראל" האָט אויך מיט זיינעם אַ דעקרעט באַקרעפטיקט דעם פאַרבאָט פאַר יידן צו וואוינען אין וואַרשע און אַרום איר און די פאַרפליכטונג פאַר יידן צו בעטן אַ דערלויבעניש ביים מאַגיסטראַט אויף צו מעגן אַריינקומען אין שטאָט.

וולאַדיסלאַוו דער פערטער האָט אין 1648 באַנייט באַטאָרים דעקרעט, וואָס ער אַליין האָט אויף אים עובר געווען אין 1646 מיט זיין ווענדונג צום מאַגיסטראַט וועגן אַן אויסנאַם פאַר דעם פּרנס הכולל פון די פּוילישע יידן, מאַרק נעקעל. דעם דעקרעט האָט וולאַדיסלאַוו באַקרעפטיקט מיט אַ שטראָף פון 2.000 גילדן אויף די וואָס באַהאַלטן אויס ביי זיך יידן, און ביי די יידן גופא קאָנפיסקירן זייערע סחורות.

וולאַדיסלאַוו דער 4טער, ווי זיין פאָטער זיגמונט דער 3טער, ביידע פלאַמיקע קאַטאָליקן, זענען אַליין געווען קרבנות פון זייער פאַנאַטיזם, זיי האָבן זיך געלאָזט פירן פון די פּוילישע יעזואיטן. אין זייערע יאָרן הערשאַפט האָט דער פּוילישער קלער ווידער צעפלאַמט די יידן־שנאה אין פּוילן און דאָס לאַנד איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט דער עקלדיקסטער גלחישער פּאַמפלעטן־ליטעראַטור קעגן יידן און יידישקייט, מיט בלוט־בלבולים און פּראָצעסן קעגן יידן פאַר שענדן קריסטלעכע הייליקייטן. אונטער זיין הערשאַפט איז מעגלעך געווען די ווענדונג פון גלח מיטשינסקי צום וואַרשעווער סיים

---

*) סיי באַלאַבאַן און סיי מ. ווישניצער שטרייכן אונטער, בעת זיי רעדן וועגן דעם „וועד ארבע ארצות", אַז ער איז באַשאַפן געוואָרן צוליב דעם קאָלעקטיוון איינזאַמלען דעם יידישן שטייער; אַנשטאָט איינזאַמלען אים פון יעדער קהילה באַזונדער, זאָלן יידן אַריינטראָגן אַן אַלגעמיינעם סכום, וואָס זאָל דערנאָך אויפגעמאָנט ווערן פון די קהילות דורך אַ צענטראַלן יידישן אָרגאַן. אונטערגעגאַנגען איז דער וועד, נאָך צווייהונדערט יאָר עקסיסטענץ, אויך צוליב דעם יידישן שטייער וואָס דער צענטראַלער אָרגאַן איז מער נישט געווען בכוח אַריינצוטראָגן אין דער צייט פון דער פּאָליטישער צערודערונג צווישן דער פּוילישער שליאַכטע און עקאָנאָמישן קריזיס צווישן די פּוילישע יידן. זיי ווענדן דערמיט אָפּ דובנאָוון וואָס גיט אָן די גרינדונג פונעם „וועד" אַלס אויפטו פון אַ רבנים־צוזאַמענפאָר, און אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל האָבן באַשטימט דעם געמיינזאַמען יידישן שטייער און באַקומען דערצו דעם הסכם פון סטעפאַן באַטאָרי.

אַרויסצוטרייבן די יידן פון פוילן, און אונטער זיין הערשאַפט פאַלן אויס די שרעקלעכע הריגות אויף יידן פון כמעלניצקי און טשאַרנעצקי. וולאַדיסלאַוו דער פערטער איז אייגנטלעך געווען דער קעניג פון דעם קלער און פון די פאַרביסן קאַטוילישע פריצים. די ליבעראַלע פוילישע פריצים האָבן געהאַט אַלס פירער דעם פירשט ווישניעוועצקי, זייער קאַנדידאַט אויף קעניג, וואָס האָט ביי די קעניג־וואַלן באַקומען ווייניקער שטימען און מען האָט אים גערופן דער אַנטיקעניג.

יאַן קאַזשימיעזש, וואָס האָט פאַרנומען דעם פוילישן טראָן נאָך וולאַדיסלאַוו דעם פערטן, האָט געוואָלט פאַרגלעטן די יידישע ליידן אין די טראַגישע יאָרן פון וולאַדיסלאַוון און האָט צונויפגענומען אין איינער אַלע פריווילעגיעס וואָס יידן האָבן באַקומען פון די פוילישע מלכים ביז אים, פון באָלעסלאַוו דעם קאַלישער ביז סטעפאַן באַטאָרי, און האָט נאָך צוגעגעבן זיינע אייגענע. נאָר דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט און דער סיים האָבן זיך געהאַלטן ביי דעם אַלטן פאַרבאָט און האָבן צוגעגעבן צו אים נייע שטרענגע פונקטן. דער דעקרעט איז דערנאָך באַנייט געוואָרן אויף די סיים־סעסיעס פון 1676, 1737, 1740, 1761, 1763, 1765 און 1770. עס איז שוין געוואָרן אַ נאָרמאַלע זאַך: באַלד נאָכן דעקרעט לייגט מען אַרויף אַ שטראָף אויף די איינפאָרהייזער אָדער בעלי־בתים פון די פריוואַטע הייזער, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן יידן, עטלעכע יידן שיקט מען אַרויס און ווען זיי קומען צוריק מאַכט מען זיך נישט זעענדיק.

אַן אויסנאַם פון אָט דער „נאָרמאַלער" לאַגע פון יידן אין וואַרשע איז געווען די צייט ווען דעם אַמט פון קרוין־מאַרשאַלעק אין וואַרשע, אונטער דער הערשאַפט פון קעניג אויגוסט דעם דריטן, האָט פאַרנומען פראַנצישעק ביעלינסקי. געווען איז ער אַ „גוי אַ רשע", וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אונטערקויפן, און יידן האָבן פון אים שטאַרק געליטן. וועגן דעם מאַרשאַלעק ביעלינסקי שרייבט ע. רינגעלבלום אין דער שוין דערמאָנטער אַרבעט אין צווייטן באַנד „היסטאָרישע שריפטן" פון ייוואָ „מען באַדאַרף משער זיין אַז ביעלינסקי, וואָס ווערט פאַררעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע מאַרשאַלקעס פון וואַרשע, וועמען די הויפטשטאָט פאַרדאַנקט זייער אַ סך אין פרט פון אָרדענונג, האָט זיך אויך באַמיט צו מאַכן אַ סדר אין די ענינים פון די וואַרשעווער יידן. לאַנגע יאָרן האָט ער געפירט אַ קאַמף מיט די יידן אין וואַרשע און זיי אומברחמנותדיק געטריבן פון שטאָט. סוף כל סוף האָט ער אָבער געמוזט איינזען, אַז עס איז אוממעגלעך איינצוהאַלטן דעם צושטראָם פון יידן אין דער הויפטשטאָט, וואָס מיט איר איז דאָס גאַנצע לאַנד געווען פאַרבונדן דורך טויזנטער פעדעם. אָפגעזאָגט זיך פונעם געדאַנק וועגן פאַרטרייבן אין גאַנצן די יידן פון וואַרשע, האָט ער מסתמא באַשלאָסן אַריינצוברענגען אַ סדר אין דעם מצב פון יענער קאַטעגאָריע וואָס ער האָט איבער כמה טעמים געמוזט דערלויבן דאָ צו וואוינען. ער האָט זיי דערלויבט אין די 60ער יאָרן צו אָרגאַניזירן זיך אין דער פאָרעם פון אַ קהילה. גלייכצייטיק אָבער האָט ער באַשטימט זייער אַ פאַרטרויאונגס־מאַן, דעם סינדיק, וועלכער זאָל אים מיטהעלפן ביים אָנווענדן די תקנות פון געזעץ לגבי די יידן פון דער הויפטשטאָט."

די דאָזיקע יידישע קהילה אין וואַרשע, וואָס ביעלינסקי האָט דערלויבט צו אָרגאַניזירן אָדער האָט זי אַליין אָרגאַניזירט, האָט, אגב, אָנגעהאַלטן אַ צייטאָפשניט פון 15 יאָר, פון 1750 ביז 1766. און האָט פאַרצייכנט אין דער געשיכטע פון וואַרשע אַן אינטערעסאַנט קאַפיטל, דאָס קאַפיטל „סינדיקעס", וואָס ציט זיך אַ סך לענגער ווי די עקסיסטענץ פון ביעלינסקיס קהילה, כמעט ביזן סוף פון מלכות פוילן אין 1795, ריכטיקער ביזן דורכפאַל פונעם קאָשציושקאָ־אויפשטאַנד. די דאָזיקע „סינדיקעס" האָבן אויף זיך געהאַט פאָליצייאישע, אַדמיניסטראַטיווע, געריכטלעכע, רעליגיעזע און קאָנטראָלירנדיקע אויפגאַבעס און זיי האָבן געהאַט צו זיך געהילפן.

„אַ שוואַרץ בלעטל אין דער געשיכטע פון די וואַרשעווער יידן — זאָגט ע. רינגעלבלום — האָבן אַריינגעשריבן אָט די יידישע „מושלים" מיט זייערע אונטערהעלפער". ער רופט זיי אָן „דורך דעם מאַרשאַלעק געזאַלבטע „יידישע מלכים", וואָס האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט דאָס לעבן און פאַרמעגן פון טויזנטער יידן אין וואַרשע". ער רעכנט זיי אַלע אויס, כאַראַקטעריזירט זיי, דערציילט זייערע אָפערעס און וואַרפט אָן, ווי ער באַצייכנט עס, אַ „מוראַדיק בילד פון געפאַלנקייט און דעמאָראַליזאַציע, אַ קנויל פון שרעקלעכער קאָרופציע".

פון די אויפגאַבעס וואָס די „סינדיקעס" האָבן אויף זיך געהאַט גיבן מיר דאָ איבער, ציטירט פון „היסטאָרישע שריפטן" פון „ייוואָ", נאָר די וואָס זענען שייך דער השגחה איבער דעם נישט לעגאַלן אויפהאַלט פון יידן, און באַלייכטן דעם זין פון דעם מאַרשאַלעק ביעלינסקיס אויפטו: „די אינסטיטוציע פון די סינדיקעס — שרייבט ע. רינגעלבלום — איז באַשאַפן געוואָרן ניט לטובת די יידן פון וואַרשע, נאָר ווי אַ געצייג קעגן זיי. וואָרעם ווער האָט דען בעסער געקענט פירן דעם קאַמף מיט די יידן, וואָס וואוינען אומלעגאַל אין וואַרשע, אויב נישט דער יידישער סינדיק? דעמאָלט איז אַזאַ מין קאַמף געווען אַ סך שווערער ווי היינט. קיין פאַמיליע־נעמען האָבן יידן נישט געהאַט, קיין מעלדונגספליכט און אַנדערע פאָרמען פון רעגיסטראַציע האָבן אויך נישט עקסיסטירט. ווי אַזוי זשע האָט מען געקענט וויסן וועלכער פון די 10 אָדער 20 הערשקאָס צי מאָשקעס האָט יאָ רעכט און וועלכער האָט נישט קיין רעכט צו זיין אין וואַרשע? דער סינדיק מיט זיין שפיאָניר־אַפאַראַט, די אַזוי גערופענע „שמשים" (Szkolnicy) האָבן צום בעסטן געקענט אויספירן די דאָזיקע אַרבעט, און ווי עס ווייזט אויס האָבן זיי טאַקע בשלמות אויסגעפירט".

„אַלע אינסטרוקציעס (Dyspozycje) אָדער אָרדינאַציעס (Ordynacje) פון די קרוין־מאַרשאַלקעס חזרן כסדר איבער, אַז דער חוב פון סינדיק איז אויסצוזוכן און צו מעלדן וועגן אַזעלכע יידן (פון די אומלעגאַלע) וואָס פאַרנעמען זיך מיט מעקלעריי, מיט מלאכה, וואָס פאַרקויפן „טאַנדעט־סחורה" אא"וו. מיט איין וואָרט, דער סינדיק מיט זיינע משרתים האָבן אויסגעפירט פאָליצייאיש־אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס לגבי דער יידישער באַפעלקערונג".

„נאָך ביעלינסקיס טויט — שרייבט מ. ווישניצער — האָט די לאַגע זיך געבעסערט". לויט ע. רינגעלבלומס שילדערונג פון די אויפגאַבעס וואָס די סינדיקעס האָבן אויסגעפירט, און פון זייער אויפפירונג ביז 1794, איז שוין שווער צו זאָגן מיט וואָס די לאַגע האָט זיך געבעסערט. אָפיציעל האָבן אויך איצט יידן געמעגט קומען קיין וואַרשע אויף דער צייט פון די סיים־סעסיעס: צוויי וואָכן ביזן סיים האָט מען מיט טרומייטן צו וויסן געגעבן אַז יידן מעגן אָנהייבן האַנדלען און זיך פאַרנעמען מיט זייערע מלאכות, און צוויי וואָכן נאָכן שליסן דעם סיים האָט מען אויך אַזוי מודיע געווען אַז זיי דאַרפן אַרויספאָרן פון דער הויפטשטאָט. ווער עס האָט זיך געשפעטיקט, האָט מען מיט גוואַלד אַרויסגעיאָגט. נאָר מיט פאַרשיידענע תירוצים איז דער ייד מיט אַ פאָר טעג שפעטער צוריק געקומען און איז שוין פאַרבליבן אויף עטלעכע וואָכן, אַריבערפאָרנדיק פון איין טייל שטאָט אין דעם צווייטן, מיט דעם אָפענעם טייסטער אין דער האַנט פאַר דעם מאַרשאַלעקס זשעדנע באַאַמטע.

„אין שייכות דערמיט — שרייבט ווייטער מ. ווישניצער — האָט דער מאַרשאַלעק ליובאָמירסקי איינגעפירט ספעציעלע קוויטלעך, וואָס אָן זיי האָבן יידן נישט געטאָרט זיך באַווייזן אין דער הויפטשטאָט אונטער אַ דראָונג איינגעשפאַרט צו ווערן אין תפיסה. פאַר אַ קוויטל מיט אַ טערמין אויף פינף מעת־לעת האָט מען גענומען אַ זילבערנעם גילדן. און באַקומען האָט זיך דערפון אַ הכנסה פון 200.000 גילדן אַ יאָר."

עטלעכע מאַגנאַטן, וואָס האָבן פאַרנומען אַ הויכע פאָזיציע אין דער מלוכה, האָבן באַשלאָסן באַזעצן יידן אויף זייערע פלעצער הינטער דער שטאָט. פון די דאָזיקע יידישע ישובים איז מערסטנס געווען „נאָוואַ־יעראָזאָלימאַ", הינטער די שפעטערדיקע יעראָזאָלימסקע ראָגאַטקעס. ליובאָמירסקי האָט פראָטעסטירט דערויף. און אַרויסגעקומען איז דערפון אַ קריג צווישן אים און דעם פירשט סולקאָווסקי מיט נאָך מאַגנאַטן, וואָס האָבן זיך פאַרזיכערט מיט דער הסכמה פון דער „ראַדאַ ניעוסטאַיאָנצאַ", וואו סולקאָווסקי איז געווען פאָרזיצער. דאָס געריכט האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון ליובאָמירסקי, וואָס האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן נישט געקוקט דערויף וואָס דער קעניג האָט זיך אַריינגעלייגט אין שלום און איז אַליין געקומען אים בעטן. ליובאָמירסקי האָט זיך באַזאָרגט מיט אַלע יורידישע פאָרמאַליטעטן און האָט זיך גענומען אויספירן דעם באַשלוס. דעם 22טן יאַנואַר 1775 האָט מען צעהאַקט אַלע הייזער, וואָס יידן האָבן אויסגעבויט הינטער דער שטאָט און די סחור־

רות האָט מען אויספאַרקויפט אונטערן האַמער לטובת די אַראָפגעטריבענע יידן.

„נישט געקוקט אויף די אַלע שטערונגען וואָס מען האָט געמאַכט די יידן זיך צו באַזעצן אין דער הויפשטאָט, האָבן זיי זיך דערנאָך גענומען באַזעצן אין סאַמע שטאָט אין אַ גאָר היפשער צאָל. אין 1781 האָט מען שוין אָנגעציילט 3532 מאַן. געווען זענען צווישן זיי בעלי־מלאכות, טרעגער, מעקלער. אַליין פלעגן זיי דעם גאַנצן טאָג אַרומשמייען איבער דער שטאָט זוכן אַ פאַרדינסטל און די משפחות פלעגן זיי אויסבאַהאַלטן אין די הייזער: מענער, קען מען, אַלנפאַלס אָננעמען פאַר דורכרייזנדיקע. פונקט ווי אין די צייטן פון אויגוסט דעם דריטן, ווען די „זשאַקעס” פלעגן אומבאַשטראָפט באַפאַלן יידן, אַזוי פלעגט מען זיי אויך איצט באַפאַלן.

„אין „פאַמיענטניק היסטאָריטשני פובליטשני” (1783) האָט אַ פוילישער פובליציסט געשריבן: „ סאַראַ מוראַדיקע סצענעס מיר זעען צו אין דער הויפטשטאָט אין די פייערלעכע יום טוב־טעג: טומלדיקע מחנות שילער און אפילו דערוואַקסענע מענטשן יאָגן זיך נאָך די יידן און שלאָגן זיי מיט די שטעקנס. מיר האָבן אַליין געזען אַ מחנה וואָס האָט אָפגעוואַרט אַ ייד, האָט זיין פערד פאַרהאַלטן און אים האָט זי געשלאָגן און פון וואָגן אַראָפגעוואָרפן. אָ! קען מען דען גלייכגילטיק צוזען אַזעלכע רעשטן פון באַרבאַריע?!”.

„די מערסטע יידן האָבן געוואוינט אויף קראַקאָווסקע פזשעדמיעשטשע, ווען סוף מיי 1784 איז אויף דער באַמיאונג פונעם מאַגיסטראַט אַרויס דער באַפעל פונעם מאַרשאַלעק מנישקאָ זיי אַרויסצוטרייבן. די יידן, פאַרצווייפלטע, האָבן זיך געווענדט צום קעניג, נאָר ער איז אוממעכטיק געווען עפעס צו טאָן פאַר זיי. יידן האָבן דעמאָלט באַשלאָסן אויף שטענדיק צו פאַרלאָזן ווארשע און אַריבערקלייבן זיך קיין ראַשין, אַ גוט פונעם קעניגס באַנקיר פיאָטר טעפער, און ער האָט גערן דערצו מסכים געווען. דער מאַגיסטראַט האָט אין דעם איבערקלייבן זיך פון די יידן דערזען אַ רעה פאַר זיך און האָט געזוכט מיטלען צו שטערן דעריין. ער האָט געוואָרנט דעם גוטבאַזיצער אַז די פריווילעגיע פונעם מאַגיסטראַט איז חל אויך אויף ראַשין און אַז ער גייט דערום קעגן דעם געזעץ. דאָס האָט נישט געהאָלפן, און דעמאָלט ערשט האָט דער מאַגיסטראַט באַשלאָסן צו דערלויבן יידן וואוינען אין דער הויפטשטאָט, אָבער בלויז אין אַ באַשטימטן טייל, צווישן די גאַסן סענאַטאָרסקאַ און נאָוואַ־סענאַטאָרסקאַ, אויף דער רעכטער זייט מאַריוויל, אין די הייזער וואָס מען האָט ספעציעל איבערגעבויט פון דעם געוועזענעם וואַרשיצקים און דערנאָך פאַטשעים פאַלאַץ. די הייזער האָט מען דעריבער אויך גערופן „פאַטשעיווו”. געווען זענען עס איינשטאָקיקע הייזער מיט אַ לאַנגער ריי קראָמען.

די צאָל יידן אין ווארשע איז געוואַקסן און זיי האָבן זיך גענומען באַזעצן אויף טלאָמאַצקע, קלאָפאָצקע, ביבליאָטעטשנע, דאַנילאָוויטשאַ און אַנדערע גאַסן, ביז דעם קאָשטשיאָל פון דער דרייאייניקייט, אויפן ראָג פון נאַלעווקעס און דלוגאַ. די יידישע „פאַרפלייצונג” האָט אויפגערודערט די נישט־יידישע צעכן, ספעציעל די קירזשנער און די שניידער, און זיי האָבן גענומען סטראַשען, אין יאָר 1790, אַז זיי וועלן אויסהרגענען אַלע יידן ביז איינעם, אויב דער מאַגיסטראַט וועט ניט אויספועלן ביים סיים (דער פיריעריקער סיים פון 1788—1792) וואָס איז אָפגעהאַלטן געוואָרן אין ווארשע, אַרויסצוטרייבן די יידן.

„דער שטאָטפרעזעס איז באַלד אַוועק אין סיים און צו וויסן נעגעבן די דעפוטאַטן וועגן די אומרוען. דער סיים האָט אַרויסגעשיקט צוויי דעלעגאַטן צו די צעכן און אויפן צווייטן טאָג האָט מען אַרויסגעטריבן פון דער שטאָט אַלע יידישע בעלי־מלאכות און גאַסן־הענדלער. אין אַ פאָר וואָכן אַרום זענען שוין די אַרויסגעטריבענע יידן ווידער געווען אין ווארשע.

„דעם 16טן מיי 1790 האָט אויסגעבראָכן אַ פאָגראָם. אָנגעהויבן האָט ער זיך דערפון וואָס אַ דייטש אַ שניידער, פאָקס, האָט אָנגעטראָפן אַ יידן אַ שניידער טראָגן אַ שטיקל אַרבעט און ער האָט געפרואווט דאָס ביי אים צונעמען. דער ייד האָט באַוויזן צו אַנטלויפן. פאָקס האָט אַרויסגערופן זיינע געזעלן און זיי האָבן געטראָפן דעם יידן אויף דער קלאָפאָצקער גאַס ביי דער אַרבעט. יידן זענען אָנגעלאָפן אויסבאַהאַלטן דעם יידישן שניידער און עס איז געוואָרן אַ געשלעג. די געזעלן זענען אַרויס אויף דער גאַס מיט אַ געשריי אַז יידן האָבן דערהרגעט פאָקסן. אַ גרויסער המון איז באַפאַלן די יידן, וועלכע האָבן זיך העלדיש פאַרטיידיקט אויף דער טלאָמאַצקע, דערנאָך האָט זיך דער המון געוואָרפן אויף די יידן וואָס האָבן געוואוינט אין די פאַטשעיאָווער הייזער. מיליטער איז אָנגעקומען און איינגעשטעלט אָרדענונג. פאָקסן און נאָך איינעם אַ קירזשנער האָט מען אַרעסטירט, נאָר כדי צו באַרואיקן דעם עולם האָט מען געכאַפט יידישע טרעגער, זיי צעשלאָגן און אַרויסגעשיקט פון שטאָט.

דעם 8טן פעברואַר 1792 האָט דער מאַגיסטראַט ווידער אַרויסגעגעבן רעפרעסיווע פאַראָרדענונגען קעגן דער יידישער באַפעלקערונג און דערלויבט האָט מען פאַרבלייבן אין ווארשע בלויז איינגנטימער פון קראָמען, 15 רעסטאָראַטאָרס און 5 זיגלמאַכער. סוחרים האָבן נישט געטאָרט האָבן מער ווי דריי אָנגעשטעלטע. עס איז פאַרבאָטן געוואָרן יידן צו האַלטן שענקען און פונאַנדערטראָגן אַלטוואַרג. דאָס אַלץ האָט גלייכגילטיק צוגעזען דער סיים, וואָס האָט געהאַלטן אין מיטן פאַרהאַנדלען די פראַגע ווי צו „פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן . . .”

מ. באַלאַבאַן גיט איבער דעם ענין גלאַטיקער, אָן דער ביטערער איראָניע וואָס הערט זיך אַרויס פון די שורות ביי מ. ווישניצער. מ. באַלאַבאַן דערציילט אַז „צו מאָרגנס נאָכן פאָגראָם האָט דער סיים־דעפוטאַט בוטרימאָוויטש אַריינגעטראָגן אַן אינטערפעלאַציע וועגן דער דאָזיקער אָנגעלעגנהייט און האָט געפונען אונטערשטיצונג ביי פיל דעפוטאַטן פון דער שליאַכטע, וועלכע האָבן אין די עקסצעסן פונעם המון געזען די השפעה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. עס איז באַלד געוויילט געוואָרן אַ קאָמיסיע אויסצופאָרשן דעם ענין, ווי אויך צו רעגולירן די יידן־פראַגע אין פוילן, און גלייכצייטיק איז די יידן דערלויבט געוואָרן זיך אומצוקערן קיין ווארשע. די פאַרטריבענע האָבן זיך אומגעקערט אין שטאָט, כדי דאָס מאָל, שוין ענדגילטיק דאָ צו בלייבן”.

און ממש זיס פאַרענדיקט פראָפ' מאיר באַלאַבאַן זיין כראָניק וועגן די לאַנגע יאָרן ביטערן קאַמף פון די ווארשעווער יידן פאַר זייער רעכט צו וואוינען, אַרבעטן און האַנדלען אין דער פוילישער הויפטשטאָט, מיט דעם העלדישן אַקט פון די 500 ווארשעווער יידן, וואָס האָבן געבילדעט דעם רייטערפאָלק מיט בערעק יאָסעלעוויטש בראש, אינעם קאָשציושקאָ־אויפשטאַנד פון 1794 קעגן צאַר און איז כמעט ביזן לעצטן מאַן אויסגעהרגעט געוואָרן בעת סוּוואָראָווס באַלאַגערונג פון פראַגע, און באַצייכנט אים ווי „אַן אויסדרוק פון דעם פוילישן פאַטריאָטיזם ביי די ווארשעווער יידן”.

אונדז דאַכט זיך אַז ווי „אָביעקטיוו” אַ היסטאָריקער זאָל וועלן שרייבן וועגן מער ווי אַ האַלבן טויזנט יאָר קאַמף פון יידן פאַר זייער רעכט אין אַ לאַנד וואָס זיי האָבן געהאָלפן אויפקומען, דאַרף ער נישט פאַרזען אַז אָט דער קרבן־עולה פון די ווארשעווער יידן פאַר דער פוילישער זעלבשטענדיקייט איז אַן אויסדרוק פון עפעס מער ווי אַ שאַבלאָנעם פאַטריאָטיזם. דער דאָזיקער קרבן איז בשום אופן ניט קיין פרייז פאַר די רעכט וואָס די קאָנסטיטוציע פון 3טן מיי 1791 האָט צוגעזאָגט די פוילישע יידן און האָט קיין מאָל דעם צוזאָג נישט געהאַלטן. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק פון דעם באַוואוסטזיין וואָס פוילישע יידן האָבן אין זיך געטראָגן אַלס די טיכטיקסטע און ווירקזאַמסטע בויער פון פוילנס הויפטשטאָט.

ד״ר ע. רינגעלבלום

צו דער געשיכטע פון די יידן אין וואַרשע סוף מיטל-עלטער

אַ דאַנק דער פאָליטישער לאַגע אין וועלכער קאָנגרעס-פוילן האָט זיך געפונען פאַר דער וועלט-מלחמה האָט די היסטאָריאָגראַפיע בכלל פון דעם טייל פוילן שטאַרק געליטן. בשעת אַנדערע טיילן קענען זיך באַרימען מיט אַ גרויסער צאָל פאַרעפנטלעכטע קוועלן-מאַטעריאַל, וואָס פאַרלייכטערט דעם פאָרשער צו דערגיין די היסטאָרישע פאַקטן, זענען אין מאַזאָוויע פון די הונדערטער גראָד-, שטאָט- און לאַנד-ביכער אַרויסגעגעבן געוואָרן בלויז עטלעכע.

נאָך ערגער זעט אויס די יידישע געשיכטע-פאָרשונג אין מאַזאָוויע. זי שטעלט מיט זיך פאָר ממש אַ קרקע-בתולה. די איינציקע אַרבעט אויף דעם געביט איז ה' נוסבוימס „סקיצן פונעם לעבן פון יידן אין וואַרשע", וועלכע פראָפ' סמאָלענסקי האַלט מיט רעכט פאַר מעמואַרן און נישט פאַר אַ היסטאָריש ווערק. קיין גרעסערן באַטייט האָבן אויך נישט סאָביעשטשאַנסקיס לענגערע נאָטיצן וועגן **די יידן אין וואַרשע** (זע קאַפיטל „וואַרשע" אין אָרגעלבראַנדס ענציקלאָפעדיע, ב' 26, ז' 14). קרויזהאַר, פרענק, נוסבוים און אַנדערע היסטאָריקער, וואָס גיבן אָן אין זייערע אַרבעטן פרטים וועגן די יידן אין אַלט-וואַרשע, באַנוצן זיך דערביי אָן קיין שום קריטיק מיט דעם אויבן דערמאָנטן אַרטיקל פון סאָביעשטשאַנסקין.

אין מיין אַרבעט האָב איך זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע לכל-הפחות אין אַ קליינער מאָס אויסצופילן דעם דאָזיקן חלל און אויסצופאָרשן די געשיכטע פון די יידן אין מאַזאָוויע. איך הייב אָן פון וואַרשע. אין דעם אַרטיקל, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַ קאַפיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט וועגן די יידן אין וואַרשע ביזן יאָר 1527, באַריר איך בלויז די אויסערלעכע געשיכטע פון דער פראַגע.

מיין אַרבעט שטיצט זיך בלויז אויף אַרכיווקוועלן, וועלכע איך האָב גענומען פון דעם הויפטאַרכיוו אין וואַרשע און פונעם פינאַנץ-אַרכיוו, דהיינו:

1) וואַרשעווער לאַנד- און גראָד-ביכער. Acta Terrestria et ducalia Vars. נומער 1-16, וואָס נעמען אַרום די יאָרן 1421-1532.

2) די שעפן- און וואָיט-ביכער פון אַלט-וואַרשע. Advocatialia et Scabinalia C. A. V. נומ' 525-531, פאַר די יאָרן 1427-1544; אויך די מעטריקע פון די מאַזאָווישע פירשטן, נומ' 1-18, 36, 41 און 333-341.

3) די אַקטן פון ניי-וואַרשע: די שעפנביכער פון ניי-וואַרשע, נומ' 1, פאַר די יאָרן 1477-1545; די שעפן- און וואָיט-ביכער פון ניי-וואַרשע נומ' 133, פאַר די יאָרן 1487-1565.

4) דער אַלט-וואַרשעווער פריווילעגן-קאָדעקס Codex privilegiorum civitatis Sacrae — Regiae Majestatis Antiquae Varsoviae נומ' 11, פאַר די יאָרן 1376-1775
אויך דער ניי-וואַרשעווער פריווילעגן-קאָדעקס Codex privil. C. N. V. נומ' 13, פאַר די יאָרן 1477-1712.

רעכענענדיק זיך דערמיט אַז ידיעות וועגן די וואַרשעווער יידן קענען זיך אויך טרעפן אין די געריכטביכער פון די ערטער וואָס געפינען זיך אין שכנות פון וואַרשע, האָב איך נאָכגעזוכט אין די דערמאָנטע ביכער און געפונען אויך דאָרט מאַטעריאַל. איך האָב זיך בכן באַנוצט מיט די געריכטביכער פון בלוינע (Decreta iudicii terrestris in Blonie, № 1 - 16) וואָס נעמען אַרום די יאָרן 1428-1532 און פון טשאַרטשין פאַר די יאָרן 1472-1531. (Decreta iudicii terrestris in Tarczyn, № 1 - 8)

פון די ווייטערדיקע געגנטן האָב איך אַדורכגעקוקט בלויז די זאַקראָטשימער לאַנדביכער וואָס אַנטהאַלטן אַ שפע נאָטיצן וועגן דער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט פון די ווישעגראָדער יידן און וואו עס פעלן אָבער אויך נישט קיין מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון די וואַרשעווער יידן.

פון יידישע קוועלן האָב איך, אַחוץ אויסנאַמען — דעם אַרטיקל פון נחום סאָקאָלאָוו „רחוב היהודים בוורשה" אין „האסיף" 1897, און ע. נ. פרענקס „עפיזאָדן פון דער געשיכטע פון די יידן אין וואַרשע", אין „היינט" 1924 (פון דאַנען האָב איך גענומען די ידיעה וועגן דעם יידישן גירוש אין יאָר 1454-1455) — גאָרנישט געשעפט, וואָרעם בכלל איז נישט פאַרבליבן דער קלענסטער זכר פון דער אַמאָליקער יידישער קהילה אין וואַרשע. און עס איז נישט קיין וואונדער. די געשיכטע פון די וואַרשעווער יידן איז, אָנהייבנדיק פונעם יאָר 1454, אַ געשיכטע פון כסדרדיקן נע-ונד-לעבן, פון כסדרדיקע גירושים. אַפילו דער יידישער בית-עולם איז דאָ נישט פאַרבליבן גאַנץ. דער קלויסטער פון הייליקן יאַן האָט באַקומען פונעם פירשט דעם שטח פונעם יידישן בית-עולם און אויפגעשטעלט דאָרט אַ בעקעריי (Domus pro pistando pane).

די מתים האָבן געהאַט דעם זעלביקן מזל וואָס די לעבעדיקע!

אַפילו די פאָלקס-לעגענדע, וואָס היט אויף נישט איין געשעניש פון דעם עבר, האָט אין אונדזער פאַל פאַרראַטן. די זקנים פון אַלט-שטאָט ווייסן נאָך צו דערציילן וועגן 150 יאָר יידישע געשיכטע אין וואַרשע, בעת לויט אונדזערע ידיעות וועבט זי זיך נישט ווייניקער ווי 5 יאָרהונדערטער.

1. מאַזאָוויע און די קרוין

איידער מיר וועלן צוטרעטן צו באַשרייבן די אויסערלעכע געשיכטע פון די וואַרשעווער יידן איז געוואונטשן אין אַלגעמיינע שטריכן אָנצוצייכענען די פאַרהעלטעניש צווישן מאַזאָוויע און דער קרוין אין 15טן יאָרהונדערט.

אין דעם דערמאָנטן יאָרהונדערט קומט פאָר אַ גאָר וויכטיקע ענדערונג אין די באַציאונגען פון די דערמאָנטע מלוכות. מאַזאָוויע, וואָס האָט ביזן 15טן י״ה געבילדעט אַ זעלבשטענדיקע מלוכה מיט באַזונדערע געזעצן, מינהגים אא״וו, און וואָס האָט געפירט איר פאָליטיק אומאָפהענגיק פון פוילן און אָפט מאָל אַפילו קעגן די אינטערעסן פון פוילן, ווערט אין אָנהייב פון 15טן י״ה אַ טייל פון דער פוילישער מלוכה. אמת, די קרוין האָט געהאַט אַ השפעה אויף מאַזאָוויע נאָך איידער יענע האָט זיך פאָליטיש פאַראייניקט מיט פוילן. עס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך אַז די השפעה האָט געמוזט וואַקסן וואָס ענגער עס זענען געוואָרן די פאָליטישע פעדעם וועלכע האָבן פאַרבונדן די צוויי ברידערפעלקער. שווער איז אָבער געווען צו געבן אַן ענטפער ווי ווייט עס האָבן דערלאַנגט די איינפלוסן פון דער קרוין און אין וואָס זיי זענען באַשטאַנען.

דאָס וואָס מיר האָבן געזאָגט וועגן דעם אַלגעמיינעם לעבן אין מאַזאָוויע לאָזט זיך אויך זאָגן בנוגע דער יידישער סביבה. כמעט אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן אין וואַרשע איז אָנזעעדיק די ווירקונג פון דער קרוין. די ווירטשאַפטלעכע באַציאונגען זענען כמעט אין גאַנצן ענלעך צו די באַציאונגען אינעם מערב-טייל פון דער קרוין. עס איז אויך נישט פאַראַן קיין שום חילוק צווישן דער רעכטלעך-פאָליטישער לאַגע פון די מאַזאָווישע יידן און די קרוין-

יידן. דאָס זעט מען נישט בלויז אין דער ענלעכקייט פון די אַלגעמיינע שטריכן נאָר אויך אין פּרטים, ווי למשל אין די טעכנישע אויסדרוקן אויף צו באַצייכענען די קהילות, די יידישע געריכט־אינסטיטוציעס וכדומה.

scolasticus, scolni, Judex Judeorum, Judicium Judeorum, minister scolasticus etc.

מיר קענען אויך באַמערקן אַ סך ענלעכע פּרטים אין דער אויסערלעכער געשיכטע פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע און פון די יידישע קהילות אין דער קרוין.

די געשעענישן וואָס קומען פאָר אין יאָר 1454 אין קראָקע (די אַנטי־יידישע באַוועגונג פון קאַפּיסטראַנאָ) געפינען אַ הילכיקן אָפּקלאַנג אין וואַרשע. דער גירוש פון די וואַרשעווער יידן אין יאָר 1483 איז געווים פאָרגעקומען אַלס רעזולטאַט פון דער אַקציע וואָס דאָס פּוילישע בירגערטום האָט פונעם סוף 15טן י"ה געפירט קעגן די יידן.

2. די ערשטע שפּורן פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע

קיין מאַזאָוויע קומען די יידן אַ סך שפּעטער ווי אין אַלע אַנדערע פּראָווינצן פון פּוילן. די סיבה דערפון איז געווען די שווערע לאַגע אין וועלכער מאַזאָוויע האָט זיך ביז צום 13טן י"ה געפונען צוליב די שטענדיקע מלחמות וואָס פלעגן חרוב מאַכן דאָס לאַנד און זענען געווען אַ מניעה פאַר זיין נאָרמאַלער אַנטוויקלונג. אַלס רעזולטאַט דערפון לאָזט זיך באַמערקן אַ גרויסע פאַרשפּעטיקונג אין דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון מאַזאָוויע אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פּראָווינצן, וואָס איז קאָנטיק צווישן אַנדערעם אויך אין דעם שפּעטערדיקן אויפקום פון די שטעט אין פאַרגלייך מיט גרויס־ און קליין־פּוילן.



ייִדישע קרעמער אין וואַרשע 1783

אַ פועל־יוצא פון דער ווירטשאַפטלעכער אָפּגעשטאַנענקייט פון מאַזאָוויע איז געווען די שפּעטע איינוואַנדערונג אַהער פון די מערב־יידן אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פּוילישע פּראָווינצן. דער יידישער עלעמענט פון מערב, אַלס אַ דורכויס סוחרים־באַנקירישער, האָט עמיגרירט אין די העכער אַנטוויקלטע לענדער. דעריבער קענען מיר אויך ביים פאָרשן די געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע פון פּוילן באַמערקן אַז וואָס מער אַ פּראָווינץ איז קולטורעל אַנטוויקלט, אַלץ פריער טרעפט מען זיך דאָרט מיט דער יידישער איינוואַנדערונג. אין שלעזיע, וואָס איז ווייטער ווי אַנדערע אַרויסגערוקט צו מערב־צו און האָט צוליב דעם זיך שנעלער ווירטשאַפטלעך אַנטוויקלט, קומט די איינוואַנדערונג פאַר פריער ווי אין אַנדערע געגנטן; שוין אין אָנהייב 12טן י"ה הייבט זיך דאָ אָן אַ יידישע אימיגראַציע. דעם צווייטן אָרט פאַרנעמט גרויס־פּוילן (13טער י"ה) און ערשט דערנאָך גייט קליין־פּוילן (אָנהייב 14טער י"ה). אין מאַזאָוויע, מיטן אויסנאַם פון פּלאָצק וואו מיר געפינען שוין אין יאָר 1237 אַ נאָטיץ וועגן אַ יידישן ברונעם (Puteum Judeorum) וואָס באַווייזט בפירוש אַז יידן האָבן דאָרט געוווינט, — הערן מיר וועגן אַ יידישער אימיגראַציע ערשט צום מיטן אָדער צום סוף פון 14טן י"ה.

אין וועלכן יאָר די יידן האָבן זיך באַזעצט אין וואַרשע און פון וואַנען זיי זענען אַהער געקומען ווייסן מיר נישט. איינס איז אָבער באַוואוסט — אַז די ערשטע ידיעה וועגן דעם אויפהאַלט פון יידן אין וואַרשע שטאַמט פון יאָר 1414. די דאָזיקע ידיעה געפינען מיר אין אַ נאָטיץ אינעם עלטסטן פאַרבליבענעם טשערסקער געריכטבוך. זי אַנטהאַלט די אָנקלאַגע פון דעם טשערסקער יידן לאַזאַרוס קעגן דעם טשערסקער מיעשטשאַן פּיאָטר. פון דער דערמאָנטער פאַרצייכעניש איז אָבער דורכויס נישט געדרונגען אַז די יידן האָבן זיך באַזעצט אין וואַרשע ערשט אין יאָר 1414. פאַרקערט: דאָס וואָס די נאָטיץ טראָגט אַ בפירוש צופעליקן כאַראַקטער דערלויבט אונדז אָנצונעמען אַז די באַזעצונג פון יידן אין וואַרשע איז פאָרגעקומען מיט אַ פּאָר יאָרצענדליקער פריער. דאָ דאַרף מען נאָך נעמען אין אַכט אַז די וואַרשעווער געריכטביכער זענען פאַרבליבן ערשט פונעם יאָר 1421. דערפון איז געדרונגען אַז נאָר אַ דאַנק דעם וואָס אונדזער לאַזאַרוס האָט זיך פּראָצעסירט אין טשערסק (וואו עס זענען פאַרבליבן די געריכטביכער שוין פון יאָר 1413) איז די ערשטע געשיכטלעכע דאַטע דאָס יאָר 1414, ווייל אין קעגנפאַל וואָלט דאָס געווען דאָס יאָר 1421.

אָנהייבנדיק פון יאָר 1421 האָבן מיר אַ שפע ידיעות וועגן די וואַרשעווער יידן, וועגן זייערע האַנדל־ און קרעדיט־טראַנזאַקציעס. אָט די שפע און די פאַרשיידנאַרטיקייט פון פּערזאָנען און עסקים וואָס מיר טרעפן זיך מיט זיי אין די לאַנדגעריכט־ביכער זאָגן עדות וועגן דעם ברייט פאַרצווייגטן יידישן לעבן און דערלויבן אונדז צו מאַכן די השערה אַז דאָס גאַנצע לעבן האָט אויפגעבליט פּלוצעם, בלויז אין משך פון אַ פּאָר יאָרצענדליקער. אונדזער השערה ווערט נאָך פאַרשטאַרקט דורך דער נאָטיץ פון יאָר 1425 וואָס דערמאָנט וועגן אַ יידישן שמש Szkolnik און וועגן די פאָרשטייער פון דער יידישער אויטאָנאָמיע.

מיר קענען אונדזער היפּאָטעזע באַטראַכטן כמעט ווי אַ פאַקט, אויב מיר וועלן נעמען אין אַכט אַז אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון 15טן י"ה האָט דאָ געהערשט יאַנוש דער 1טער, מיט וועמען מיר וועלן זיך פאַרנעמען אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל. דער פירשט

ווערט מיט רעכט באַטראַכט פאַר דעם בעסטן אָרגאַניזאַטאָר פון דער ווירטשאַפט אין דער עפּאָכע פון דער אומאָפּהענגיקער מאַזאָוויע.

אונטערפירנדיק אַ סך־הכל קומען מיר צו דער ענדגילטיקער מסקנא אַז די ערשטע געשיכטלעכע דאַטע וועגן דער עקסיסטענץ פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע איז דאָס יאָר 1414, אָבער איר וואַרשיינלעכער אָנהייב באַציט זיך צום סוף 14טן יאָרהונדערט.

3. די יידן אין די צייטן פון יאַנוש דעם ערשטן

אין דער ערשטער העלפט פון 15טן יאָרהונדערט, אונטער דער הערשאַפט פון יאַנוש דעם 1טן, האָט זיך ברייט פונאַנדערגעבליט די יידישע קהילה אין וואַרשע. די גראָד־ און לאַנד־ביכער זענען פול מיט פאַרשיידענע נאָטיצן וועגן קרעדיט־ענינים און אין אַ קלענערער מאָס וועגן האַנדל־ענינים וואָס די יידישע באַנקירן פירן אַדורך אין וואַרשע. דורכשניטלעך טרעפן מיר איבער הונדערט אַזעלכע נאָטיצן (אין יאָר 1427 ביז 173). נישט געקוקט דערויף וואָס די לאַנדביכער זענען פול מיט יידישע טראַנזאַקציעס, איז די צאָל יידן אין וואַרשע נישט קיין גרויסע. כדי צו האָבן אַ השגה ווי גרויס עס איז דעמאָלט געווען די יידישע באַפעלקערונג אין וואַרשע איז גענוג צו פאַרגלייכן די ליסטעס פון די יידישע שטייער־צאָלער אין וואַרשע און אין ווישעגראַד (1), וועגן וואָס אונדז וועט נאָך אויסקומען צו ריידן. דאָ ווילן מיר נאָר אָנווייזן אַז אין די דערמאָנטע ליסטעס פיגורירן אַלס שטייער־צאָלער פאַרטרעטער פון בעל־הבתישקייטן אָדער הויזגעזינדן. אין וואַרשע איז לויט דער ליסטע געווען 10 אַזעלכע בעל־הבתישקייטן. שטיצנדיק זיך אויף די גענויע אויסרעכענונגען וואָס ד״ר שיפּער האָט געמאַכט אויפן סמך פון מאַטעריאַלן, וועלכע זענען נוגע דעם 16טן ביזן 18טן י״ה, וועלן מיר אַלס יסוד אָננעמען פאָלגנדיקע אויסרעכענונג (2): 1 בעל־הבתישקייט — 9 פּערזאָן. אין איינעם אַלזאָ באַקומען מיר אַ ציפער פון 90 יידן אין וואַרשע (10 בעל־הבתישקייטן צו 9 פּערזאָן). צו דער דאָזיקער צאָל דאַרף מען נאָך צוגעבן 2 בעל־הבתישקייטן, ד״ה 18 פּערזאָן, ווייל דער רב און דער שמש זענען — לויט אַ מנהג וואָס איז געווען אָנגענומען אין דער קרוין און לאָזט זיך אויך פעסטשטעלן אין מאַזאָוויע — געווען באַפרייט פון צינדז. בסך־הכל האָבן מיר אַלזאָ די צאָל פון אַן ערך 120 פּערזאָן, וואָס דאַרף אונדז אילוסטרירן די גרייס פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע אין אָנהייב פון 15טן י״ה. זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז דער באַטייט פון דער צאָל מוז גענומען ווערן רעלאַטיוו.

לאָמיר איצט איבערגיין פון די אַבסטראַקטע ציפערן צום רעאַלן לעבן. ס'איז געווען דעמאָלט (אין די צייטן פון יאַנוש דעם 1טן) זייער לעבעדיק אויף דער יידישער גאַס, בכל אופן באַקומט זיך אַזאַ איינדרוק פון די פאַרשיידענע געריכט־נאָטיצן פון יענער צייט וואָס זענען נוגע די טראַנזאַקציעס פון די וואַרשעווער יידן.

יאַנוש דער 1טער, זייענדיק דערצויגן אין הויף פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן, איז געגאַנגען אין די דרכים פון דעם דאָזיקן „קעניג פון מיעשטשאַנעם און פּויערים" (3) און געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן אין לעבן אויך זייערע ווירטשאַפטלעכע פּלענער. קיין שום מאַזאָווישער פירשט האָט נישט אַזוי געדאַגהט פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד ווי ער. און דעריבער ווערט ער מיט רעכט באַטראַכט פאַר דעם בעל־הבית פון מאַזאָוויע, פּונקט ווי קאַזשימיעזש דער גרויסער איז עס געווען אינעם פּיאַסטישן פּוילן.

באַזונדערס האָט יאַנוש דער ערשטער אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון „אונדזער שטאָט" וואַרשע. ער האָט דער שטאָט געגעבן אַ גאַנצע ריי פּריווילעגן. דער וויכטיקסטער פון זיי איז דער פּריווילעג פון יאָר 1413 (4) אין וועלכן ער גיט דער שטאָט איבער דאָס משפּט־רעכט איבער די אייגענע בירגער און איבער די צוגעקומענע, הן אין שווערע שטראָף־ענינים אַזוי אויך אין מינדערווערטיקע ענינים (ווי, למשל, וועגן שטערן די עפנטלעכע רו).

יאַנוש דער 1טער, גייענדיק אין די דרכים פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן, האָט זיך באַמיט אַריינצוברענגען אין לאַנד וואָס מער קאָלאָניסטן פון מערב. צווישן זיי זענען געווען אַ סך יידן וואָס האָבן אין אַ לאַנד, וואו עס האָט נאָך אויסשליסלעך געהערשט די נאַטוראַלע ווירטשאַפט, געקאָנט שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָל צוליב זייער רירעוודיקייט און זייערע גרויסע קאַפּיטאַלן און אַ דאַנק דער באַהאַוונטקייט אין דער געלטטעכניק. עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואָס דער פירשט האָט געהאַט אַ גוטע באַציאונג צו יידן און וואָס ער האָט געשטיצט די יידישע איינוואַנדערונג אין מאַזאָוויע. דאָס איז צו זען פון דעם פאַקט אַז אין זיינע צייטן האָט זיך באַזונדערס שטאַרק אַנטוויקלט די יידישע קהילה אין וואַרשע.

אונדזער השערה באַשטעטיקט אַ ריי פאַקטן וועלכע מיר גיבן אונטן אָן און וואָס וואַרפן אַ העל ליכט אויף דער באַציאונג פון יאַנוש דעם 1טן צו די יידן.

מיר לייענען, למשל, אַז אין יאָר 1422 שענקט יאַנוש דער 1טער דעם ווישעגראָדער יידן מאַי זיינעם אַ וויינגאָרטן, וואָס ער האָט אין ווישעגראַד לעבן דעם קלויסטער פון אַלע הייליקע. פאַר דעם דאַרף דער ייד מאַי צאָלן יערלעך 4 שאָק גראָשן צינדזן (5). מיט אַן אַנדער וואַרשעווער יידן, איינעם דוד, שליסט דער קעניג אַן אָפּמאַך פון וועלכן מיר דרינגען אַז דוד האָט געפּאַכט ביים פירשט עפּעס אַ פעלד אָדער אַ בויפּלאַץ (6). אַרעסטן און ערבות־לייט פון יידן פאַר חובות, וואָס פלעגן אַזוי אָפט פאָרקומען אונטער דער הערשאַפט פון די שפּעטערדיקע פירשטן נאָך יאַנוש דעם 1טן, זענען אין זיינע צייטן געווען אַ זעלטנהייט; אַזאַ פאַל איז געווען בלויז איינער (7).

4. דער יידן־גירוש אין יאָר 1454

דאָס ברייט־אַנטוויקלטע לעבן פון דער יידישער קהילה אין וואַרשע איז פּלוצעם איבערגעריסן געוואָרן אין יאָר 1454. דער טעזיס וואָס איז פאָרמולירט געוואָרן דורך די יידישע געשיכטעשרייבער אַז די צאָל פּאָגראָמען אָדער גירושים איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פונעם געגעבענעם לאַנד ווערט דורכויס באַשטעטיקט אין מאַזאָוויע. זינט דאָס וואַרשעווער פּוילישע בירגערטום איז, אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון שטאָט, געוואָרן שטאַרקער, שטרעבט עס מיט אַלע מיטלען אָפּצושטויסן די אומאָנגענעמע קאָנקורענטן, ד״ה די פרעמדע, און דערונטער קודם־כל די יידן וואָס וואוינען אין וואַרשע. דאָס בירגערטום שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום מיטלען. דאָרט וואו זיי קאָנען נישט דערלאַנגען זייער ציל מיט לעגאַלע מיטלען טוען זיי דאָס מיט אומלעגאַלע: אָרגאַניזירן אָנפאַלן און פּאָגראָמען, וואָס ווערן אָפט מאָל אָנגעפירט פון די שטאָט־פאַרזאָרגערס גופא. שטרעבנדיק אויף אַ לעגאַלן וועג פּטור צו ווערן — דורך פּריווילעגיעס — פון פרעמדע סוחרים און בתוכם אויך פון יידן, באַנוצן זיך די מיעשטשאַנעם מיט דעם „קלינגענדיקן" אַרגומענט וואָס האָט דאָס רוב אַ פּעולה, אויף וויפל, נאַטירלעך, דער צד שכנגד אָפּערירט נישט מיט נאָך גרעסערע געלטסומעס. דאָס בירגערטום באַיקאָטירט די יידן — מען פאַרקויפט זיי נישט קיין פלעצער אויף הייזער. פון 12 האַנדלס־אָפּעראַציעס מיט הייזער, וואָס האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו פאַרנאָטירן אין משך פון 1414־1531, האָבן מיר זיך באַגעגנט בלויז מיט איין פאַל ווען אַ מיעשטשאַן פאַרקויפט אַ הויז אַ יידן.

דער פאַקט וואָס עטלעכע וואַרשעווער יידן זענען אָנגענומען געוואָרן אַלס בירגער פון ניי־וואַרשע — פון וואָס מען וואָלט געקאָנט דרינגען אַז די באַציאונגען צווישן די יידן און די מיעשטשאַנעם זענען נישט תמיד געווען אָנגעשטרענגטע — איז אַ יוצא מן הכלל. דערביי האָט געווים אַ באַדייטנדיקע ראָלע געשפּילט דאָס געלט וואָס די יידן האָבן געצאָלט פאַר דער שוץ פון דער שטאָט ניי־וואַרשע. מען קען דאָס נאָך אויסטייטשן מיט אַן אַנדערן מאָטיוו, דהיינו, אַז ניי־וואַרשע האָט זיך נישט שטענדיק נוהג געווען לויטן מוסטער פון איר מעטראָפּאָליע אַלט־וואַרשע.

---

(1) וואַרשעווער לאַנד־ און גראָד־אַקטן (וו.ל.ג.א.) נומ׳ 1, ז׳ 64, יאָר 1423:

(2) ד״ר שיפּער, „די פאַרשפּרייטונג פון יידן אין פּוילן און ליטע" (רוסיש) אין דער „געשיכטע פון יידישן פאָלק", פאַרלאַג „מיר" מאָסקווע, ב׳ 11, ז׳ 107 אא״וו. הגם די אויסרעכנונגען פון שיפּער באַציען זיך צו די שפּעטערדיקע צייטן, נעמען מיר זיי דאָך אָן אַלס יסוד, אַרויסגייענדיק פון דער הנחה אַז עס איז נישט פאַראַן קיין פּרינציפּיעלער חילוק צווישן יידישן לעבן אין מיטל־עלטער און אין 18טן י״ה.

3) K. Tymieniecki, Najstarsi gospodarze Warszawy, p. 17.

4) Teodor Wierzbowski, Przywileje St. Warszawy.

(5) מאַזאָווישע מעטריקע, מ. 3, 90, יאָר 1422.

(6) וו. ל. ג. א. נומ״1, ז״ 114, יאָר 1425.

(7) דאָרטן, ז״194, יאָר 1924.

דער קאַמף וואָס עס האָט געפירט דאָס וואַרשעווער בירגערטום איז געשטאַנען אין אַן ענגן צוזאַמענהאַנג מיט דער אַקטיווער אַנטי־יידישער באַוועגונג וועלכע האָט זיך אַנטוויקלט קודם אין די באַזונדערע און דערנאָך אין די פאַרבינדעטע פוילישע שטעט.

מיר וועלן זיך תחילת אָפּשטעלן אויפן ערשטן פעריאָד פון דעם קאַמף, וואָס לאָזט זיך אויפן סמך פון קוועלן פעסטשטעלן און וואָס ענדיקט זיך אין יאָר 1454 אָדער 1455. די דאָזיקע יאָרן צייכענען זיך אויס אין דער געשיכטע פון די וואַרשעווער יידן מיט דעם יידן־גירוש. נישט געקוקט דערויף וואָס דער גירוש איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די בערנאַרדינער גלחים, באַטראַכטן מיר אים דאָך פאַר אַ רעזולטאַט פון דעם קאָנקורענץ־קאַמף צווישן דעם פוילישן בירגערטום און די יידן, ווייל דער דאָזיקער קאַמף איז געווען ווי אַ פולווערפאַס אין וועלכער עס איז גענוג געווען אַריינצוואַרפן איין פונק אַז עס זאָל אויסברעכן אַ שרפה. עס וואָלט געווען נאַאיוו אויסצוטייטשן דעם גירוש אויסשליסלעך מיט דער רעליגיעזער שנאה. די רעליגיע איז מייסטנס געווען נאָר אַ דעקמאַנטל מיט וועלכן מען האָט פאַרשטעלט די אמתע מאָטיוון, וואָס האָבן אין דער גרעסטער צאָל פאַלן געטראָגן אַ ריין מאַטעריעלן כאַראַקטער.

די געשעענישן וואָס זענען פאָרגעקומען אין וואַרשע אין די יאָרן 1454־1455 האָבן זיך אַנטוויקלט אויפן פאָן פון דער אַקציע וואָס עס האָט אונטערגענומען דער פויפס ניקאָליי דער 1טער כדי צו באַקעמפן די אַפיקורסים — די אַנטיפויפסלעכע הערעזיע (הוסיטן), די יודאַיזירנדיקע סעקטעס און די „אומגלויביקע" יידן. בכדי אַדורכצופירן זיינע פלענער האָט דער פויפס אַרויסגעשיקט אין די אַפיקורסישע לענדער אַלס זיינע באַפולמעכטיקטע די אינקוויזיטאָרן וואָס האָבן דאָרט געזאָלט אַרבעטן מיט דער הילף פון די אָרטיקע כוחות.

דער באַרימטער אינקוויזיטאָר פון יענער צייט איז געווען דער פראַנציסקאַנער מאָנאַך יאָן קאַפיסטראַנאָ (8), וועמען די קאַטוילישע קירך האָט — צוליב די גרויסע פאַרדינסטן וואָס ער האָט פאַר איר געהאַט — אַריינגענומען צווישן די הייליקע. תחילת האָט ער זיין קאַמף געפירט דער עיקר מיט די קריסטלעכע אַפיקורסים, אָבער ווען דער קאַמף האָט — בפרט אין טשעכיע — נישט געבראַכט קיין רעזולטאַטן, האָט ער זיך מיטן גאַנצן ברען אַ וואָרף געטאָן אין קאַמף מיט די יידן. מיט זיינע פלאַם־פייערדיקע דרשות פלעגט ער מיטרייסן נישט בלויז די ברייטע פאָלקסמאַסן, וואָס פלעגן קומען אים הערן, נאָר אויך די העכערע ספערעס: קעניגן, פירשטן, דעם אַדל וכדומה, אויף וועלכע ער האָט אויך געהאַט אַ געוואַלדיקע השפעה. די צייטן פון זיין אינקוויזיטאָרישער טעטיקייט זענען פאַרשריבן מיט שוואַרצע אותיות אין דער געשיכטע פונעם יידנטום. אומעטום וואו ער האָט נאָר זיין פוס געשטעלט האָבן זיך טייכן יידיש בלוט געגאָסן, פלעגן אויסברעכן יידן־גירושים, רדיפות, באַגרענעצונגען און גזירות. די יידישע קהילות פון דייטשלאַנד, עסטרייך, שלעזיע, מערן און פוילן פלעגט באַפאַלן אַ שרעק ווען עס פלעגט אָנקומען די ידיעה אַז עס דערנענטערט זיך קאַפיסטראַנאָ, וועמען זיינע אייגענע פאַרערערס האָבן גערופן „דער צורר היהודים". מיר וועלן זיך ניט דאָ אָפּשטעלן לענגער אויף קאַפיסטראַנאָס טעטיקייט מחוץ די גרענעצן פון פוילן. עס איז גענוג זיך צו דערמאָנען וועגן זיין מיסיע אין איטאַליע, און בפרט אין נעאַפּאָל, וואו ער איז געווען פאָרזיצער פונעם אינקוויזיציע־געריכט קעגן די יידן; וועגן זיין ראָלע אין די יידן־גירושים פון איינצלנע קהילות אין בייערן (למשל פון רעגנסבורג — 1454); אינעם אָפּנעמען ביי יידן די פריווילעגיעס אין וואָרמס און אין זייער גירוש פון דאָרטן (1453) זיין ראָלע ביים אינסצענירן דעם פראָצעס וועגן פאַרגוואַלדיקן די האָסטיע אין ברעסלע (1453) און אינעם פאַרברענען 41 יידן נאָך אַן אויספאָרשונג וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך קאַפיסטראַנאָ פערזענלעך; אינעם גירוש פון גאַנץ שלעזיע און פון מערן, וכדומה.

אין זיין קרייצצוג קעגן יידן האָט קאַפיסטראַנאָ אויך נישט אויסגעמיטן די נייע קריסטלעכע עפּאַרכיע פוילן וואוהין ער איז פאַרבעטן געוואָרן דורך דעם פאַנאַטישן קראָקעווער אַרצבישאָף אָלעשניצקי. אין איינעם מיט אָלעשניצקין צווינגט קאַפיסטראַנאָ אין 1454 דעם קעניג מיט גוטן און מיט בייזן צוריקצונעמען די יידישע פריווילעגיעס וואָס דער קעניג האָט אָקערשט געהאַט געגעבן די קרוין־יידן. אויף די יידישע קהילות אין פוילן איז געפאַלן אַ פחד, דער עיקר אויף קראָקע וואו קאַפיסטראַנאָ האָט זיך אַ לענגערע צייט אויפגעהאַלטן און צוגעגרייט אַ באָדן פאַרן „שניט" מיט זיינע התלהבותדיקע דרשות. די דערשראָקענע פוילישע יידן שיקן שליחים צו זייערע ברידער אין דייטשלאַנד און בעטן ביי זיי הילף. דער רב זעליגמאַן אָפּענהיים פאָדערט אויף די אסיפת הרבנים, וואָס איז זיך צונויפגעקומען אין בינגען (ריינלאַנד), אַז זיי זאָלן אויפהערן זיך קריגן וועגן קליינלעכע ענינים, בזה הלשון: „מיר האָבן זיך נאָך קיין מאָל נישט גענייטיקט אַזוי אין אחדות ווי איצט... וואָרעם דער גלח (קאַפיסטראַנאָ) האָט זיך שוין גענומען אפילו צו די יידן וואָס געפינען זיך אונטער דער ממשלה פונעם פוילישן מלך אין קראָקע און אירע געגנטן, וועלכע זענען פריער באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ מקום־מקלט פאַר די אַנטלאָפענע יידן. די וועלט האָט נישט געגלייבט אַז אויך קיין פוילן וועט דערלאַנגען דער הונגער און נויט. איצט פאַלן זיי (די פוילישע יידן) אונטערן לאַסט פונעם קעניג און שררות און ווענדן זיך צו אונדז מיר זאָלן זיי קומען צו הילף און זיי אויסלייזן" (9).

אַז עס האָבן באמת געהערשט אַזעלכע שטימונגען צווישן די פוילישע יידן באַווייזן די ידיעות וואָס עס ברענגט דער היסטאָריאָגראַף פון די פאָרטוגעזישע אַנטדעקונגען באַראָס (10). ווי ער דערציילט, האָט דער באַוואוסטער פאָרטוגעזישער אַנטדעקער וואַסקאָ דע גאַמאַ געטראָפן אויפן אינדזל גאָאַ (אין אינדיע) אַ פוילישן ייד וועלכער האָט אים דערציילט וועגן די רדיפות אויף די פוילישע יידן מצד קאַפיסטראַנאָ. דער פוילישער קעניג זאָל האָבן געשטעלט אַלע יידן אַ תנאי אָדער זיך אויסשמדן, אָדער פאַרלאָזן זיין לאַנד. די דאָזיקע געשיכטע איז געוויס אַ גוזמא, זי איז אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען וואָס האָבן אין קאַפיסטראַנאָס צייטן געהערשט צווישן די פוילישע יידן.

דאָס אין וואָס עס האָבן נישט געגלייבט די דייטשישע רבנים, וועלכע האָבן געזען אין פוילן אַ מקום־מקלט פאַר די גערודפטע יידן, איז דאָך פאָרגעקומען. אין יאָר 1455 ברעכט אויס אַ פאָגראָם אין קראָקע.

קאַפיסטראַנאָ האָט זיך נישט באַנוגנט מיט זיינע מעשים אין קראָקע: מיטן אָפּרופן די יידישע פריווילעגיעס און מיטן פאָגראָם אין יאָר 1455. ער האָט זיך באַמיט אַריבערצוטראָגן זיין טעטיקייט אויך קיין מאַזאָוויע, ווייל דאָרטן האָט זיך די אַנטיפויפסלעכע אַפיקורסות אַלץ מער אַנטוויקלט, אַריבערקומענדיק אַהער פון דעם שכנותדיקן פרייסן. בכדי אַדורכצופירן זיינע פלענער האָט ער געפונען אַ גוטע געלעגנהייט, ווייל אינעם קראָקעווער קעניגלעכן הויף האָט זיך דעמאָלט געפונען די מאַזאָווישע פירשטן אַננאַ, וואָס איז אַהין פאַרבעטן געוואָרן דורך קאַזימיעזש דעם יאַגעלאָנער צו זיין חתונה מיט עליזשביעטאַ ראַקושאַנקאַ. דאָס איז גראָד אויסגעפאַלן אין דער צייט ווען קאַפיסטראַנאָ האָט מיט זיינע פייערדיקע פאַנאַטישע דרשות געהעצט דעם קראָקעווער המון קעגן די אומגלייביקע יידן. „די פירשטין האָט זיך שטאַרק געוואונדערט — שרייבט דער גלח קאַנטאַק (11) — זעענדיק וואָס פאַר אַן אָרדענונג עס הערשט צווישן זיי (צווישן די בערנאַרדינער, וועלכע קאַפיסטראַנאָ האָט איינגעלאַדן קיין פוילן, ווען זיי זענען אַנטקעגנגעקומען דער פירשטין עליזשביעטאַ ראַקושאַנקאַ) און ווי זיי זענען געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפ. דער המון, וואָס איז זיי נאָכגעגאַנגען, האָט געוויינט, זעענדיק ווי זיי זאָגן זיך אָפּ פון עולם הזה. די ריטער און די הויפלייט האָבן צו גאָט מתפלל געווען".

---

(8) וועגן דער מיסיע פון קאַפיסטראַנאָ, זע: גרעץ „געשיכטע פון יידן", 3טע אויפלאַגע (דייטש), לייפציג 1890, 8טער באַנד, זז' 191־203.

(9) גרעץ 8טער באַנד (דייטש), 5טע הערה (ז'431), גענומען פון די שו"ת פון מ. מינץ: „ומעולם לא היה כל כך צריך להיותנו כאגודה אחת ושלום ושלוה כמו עתה... אשר פגע הכומר גם ביושבו תחת המלך מפולין מלכות קרקוב וסביבותיהו, אשר מקדם ומאז חשבו לפליטה לבני גולה. ולא האמיני כל יושבי תבל כו יבא צר ואויב בשערי פולין. עתה הם רובצים תחת משא המלך ושרים, וכתבו לנו לבקש עוזר ותרופה. ועתה אתם אהובי אל ירע לבבכם כי הרביתי לדבר קשות כי רוחי הציקותני, יען וביען כי קרובים אנחנו למלכות ואנחנו נדע את אשר ידובר ואת אשר נעשה. וכן יש לחשוב עתה ליום ועד הגדול והנורא ומטוב להתעסק באלו הענינים מלהתגרות בעליונים ובתחתונים".

10) Barros, Asia, Decada I. Libro IV, C. 2, p. 360,
זע אויך גרעץ, ב' 8 ז' 432

11) "Św. Jan Kapistrano i zaprowadzenie Bernardynów", Ks. Kantak ("Roczniki Tow, Nauk. Pozn." Tom VI, p. 176)

דער אויפהאַלט אין קראָקע האָט אויף דער פירשטין אננא געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אונטער קאַפּיסטראַנאָס ווירקונג האָט זי איינגעלאַדן קיין וואַרשע 6 בערנאַרדינער, אונטער דער אָנפירונג פון קאַפּיסטראַנאָס תלמיד יאַקוב גאָלאָגאָווטשיק (12).

די גאָטפאָרכטיקע גלחים נעמען זיך אין וואַרשע צו דער אַרבעט, לויט די אָנווייזונגען פון זייער רבי. אין דעם ניי־אויפגעבויטן קלויסטער האַלטן די בערנאַרדינער דרשות צו וועלכע עס קומט אַ גרויסער המון פון די פאָרשטעט און פון די אַרומיקע געגנטן אין וואַרשע. די בערנאַרדינער העצן דעם עולם קעגן די אפּיקורסים און „אומגלייביקע".

דער רעזולטאַט פון דער דאָזיקער אַגיטאַציע איז געווען דער גירוש.

אַזוי איז אויך וואַרשע אַריינגענומען געוואָרן אין דער צאָל פון די „פילע ערטער" Multis in locis, וואו קאַפּיסטראַנאָ „האָט באַקעמפט דעם וואָכער פון יידן און זייער שנאה צו די קריסטן און האָט אַרויסגעטריבן די אומברחמנותדיקע שונאים פון קריסטוסעס נאָמען" (13).

5. דער גירוש פון די וואַרשעווער יידן אין 1483 און זייער צוריקקער

אין יאָר 1483 קומט פאָר אַ וויכטיקע ענדערונג אינעם לעבן פון די וואַרשעווער יידן. הגם מיר האָבן נישט קיין שום בפירושע ידיעות וואָס זאָלן דירעקט דערציילן וועגן דער דאָזיקער פאַסירונג, קענען מיר אָבער וועגן דעם משפטן לויט די פאָלגנדיקע פאַקטן וואָס אונדז האָט זיך איינגעגעבן אויפצוזאַמלען אין די וואַרשעווער אַרכיוון.

1) אָנהייבנדיק פון יאָר 1482 פאַרקלענערט זיך די צאָל געריכט־נאָטיצן וועגן די וואַרשעווער יידן. אין יאָר 1482 האָבן מיר אין די וואַרשעווער געריכטביכער אויפגעציילט קוים 3 נאָטיצן וועגן יידן; פון די יאָרן 1483 און 1484 געפינען מיר בכלל קיין שום נאָטיצן נישט. פון יאָר 1485 איז פאַרבליבן בלויז איין נאָטיץ. זי איז נוגע אַ יידענע וועגן וועלכער מיר ווייסן אָבער נישט זיכער צי זי האָט דעמאָלט געוואוינט אין וואַרשע אָדער נישט.

2) אין די יאָרן 1478—1486 לאָזט זיך באַמערקן אַן אויסוואַנדערונג פון די וואַרשעווער יידן אין די נענטערע און ווייטערע געגנטן פון וואַרשע, דהיינו קיין ניי־וואַרשע, בלוינע, פולטוסק און טשערסק. דער פריסטער שפּור פון דער דאָזיקער עמיגראַציע פירט אונדז, לויט די אַקטן, קיין בלוינע (14). עס באַווייזט זיך דאָ אין יאָר 1478 אַ יידישער קירזשנער מיטן נאָמען דוד. מיר טרעפן דאָ אויך יידישע וואָכערניקעס וואָס זענען גלייכצייטיק סוחרים. אָט, למשל, באַווייזט זיך אין בלוינע אין 1480 אַ יידישע איינוואוינערין לאה (15) וועמענס נאָמען מיר באַגעגענען אַ סך מאָל אין די וואַרשעווער לאַנדאַקטן. עס לאָזט זיך באַמערקן בכלל אַ וואוקס פון דער וואַרשעווער יידן־קאָלאָניע אין בלוינע. זיי פירן פאַרשיידענע געשעפטן נישט נאָר מיט דער אַרומיקער שליאַכטע, נאָר אפילו מיט דעם בלוינער בירגערטום (16).

חוץ בלוינע לאָזט זיך אויך פעסטשטעלן די עמיגראַציע קיין ניי־וואַרשע (17), וואָס האָט געבילדעט אַ באַזונדער שטעטל (יורידיקע), מיט באַזונדערע, פון אַלט־וואַרשע אומאָפּהענגיקע, געזעצאַמטן, פריווילעגיעס וכדומה. דער ערשטער ייד, וועלכן מיר טרעפן דאָ, איז יאָנאַס (יאָר 1482). נאָך אים קומען אויך אַנדערע יידן (18). די דאָזיקע יידן באַגרענעצן זיך נישט אין זייערע געשעפטן מיט ניי־וואַרשע אַליין, נאָר זיי פירן אויך ווייטער פון דאַנען זייערע געשעפטן אין אַלט־וואַרשע.

אין די יאָרן 1483—1486, ווי מ׳קען פעסטשטעלן, האָבן זיך די וואַרשעווער יידן אָנגעהויבן באַזעצן אויך אין פולטוסק (19) (דער ייד רובין), און אין טשערסק (20) (בעניאש).

3) אין יאָר 1486 פירט זיך פאַר דעם לאַנדגעריכט און ביים בייזיין פונעם פירשטלעכן דעלעגאַט אַ פּראָצעס צווישן די געוועזענע וואַרשעווער יידן בעניאש און רובין פון איין זייט, און צווישן דעם וואַרשעווער מיעשטשאַן טעאָפיל פון דער צווייטער (21). פון דעם פּראָצעס דערווייסן מיר זיך אַז די יידן האָבן אין משך פון 3 יאָר געוואוינט מחוץ וואַרשע און אַז פאַר דער צייט האָבן די מיעשטשאַנעס פאַרנומען זייערע הייזער.

4) דעם 11טן מאַרץ 1483 (Feria Tertia Post Dominicam Laetare) גיט דער פירשט באָלעסלאַוו די וואַרשעווער מיעשטשאַנעס פאַרן פרייז פון 120 פלאָרין אַ פּריווילעגיע וואָס ברענגט זיי אַ גאַנצע ריי שטייער־הנחות. צווישן אַנדערע באַשטעטיקט ער דעם אַלטן פּריווילעג וואָס פאַרווערט „פרעמדע סוחרים" (Mercatores Extranei) אונטער וועלכע מען דאַרף אויך פאַרשטיין יידן, וועלכע זענען פרעמדע און געניסן אויך נישט פון די שטאָטישע רעכט — צו באַשעפטיקן זיך מיט לאחדים־האַנדל (מיט האַנדל אויף „איילן" — (Ulnatime) אויסער אויף הויפּט־יאָרמערק, ווען דאָס איז זיי יאָ דערלויבט. אין וואָכנטעג מעגן „פרעמדע סוחרים" פאַרקויפן זייערע סחורות נאָר אין הורט („אין שטיקער" — Insti tucis, שטיינער און באַלנס (23).

5) אין יאָר 1527 גיט זיגמונט דער 1טער די וואַרשעווער מיעשטשאַנעס אַ פּריווילעג וואָס פאַרווערט די יידן צו וואוינען אין וואַרשע. דער קעניג פאַררופט זיך דערביי אויף די עדיקטן וואָס זאָלן שטאַמען נאָך פון די ציטן פון די מאַזאָווישע פירשטן, בעת די יידן האָבן נישט געטאָרט וואוינען נישט אין אַלט־וואַרשע און נישט אין ניי־וואַרשע.

אויף די דערמאָנטע עדיקטן פון די מאַזאָווישע פירשטן פאַררופן זיך נאָך אין 18טן יאָרהונדערט די וואַרשעווער מיעשטשאַנעס

---

(12) הגם מיר האָבן אין די קוועלן־מאַטעריאַלן נישט געפונען קיין נאָטיצן וועגן די געשעענישן פון יאָר 1454, שטעלן מיר דאָך פעסט אַז אַזאַ גירוש איז פאָרגעקומען. אונדזערע באַווייזן שטיצן זיך אויף דעם וואָס אומעטום האָט זיך קאַפּיסטראַנאָס אַגיטאַציע געענדיקט מיט יידן־פּאָגראָמען אָדער גירושים. עס איז אויך באַוויוסט אַז די פירשטין האָט גראָד אין יאָר 1454 איינגעלאַדן די בערנאַרדינער קיין וואַרשע און אַז קאַפּיסטראַנאָס דרשות האָבן אויף איר געהאַט אַ גרויסע ווירקונג.

אין יאָר 1454 האָבן מיר בלויז צוויי נאָטיצן וועגן יידן אין די וואַרשעווער געריכטביכער; אין יאָר 1455, דערקעגן, טרעפן מיר נישט קיין איין נאָטיץ אפילו, הן אין די לאַנדביכער, הן אין שטאָטביכער, הגם אין די פריערדיקע אַזוי אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן געפינען מיר אין די זעלבע ביכער אַ שפע פון פאַרשידענע נאָטיצן. דאָס ווייזט בלי ספק אָן אויף אַ געוויסער געשעעניש וואָס האָט אָפּגעשטעלט דעם נאָרמאַלן לויף פונעם ווירטשאַפטלעכן לעבן אין וואַרשע.

(13) “Judaeorum usuras et in Christianos dolosas invidias multis in locis coërcuit et tanquam irreconciliabiles Christo nominis hostes eosdem ex plerisque urbibus fecit expelli''. Wadding: Annales Minorum, T. XII, p. 412. Acta Sanctorum, p. 499.

(14) לאַנד־אַקטן פון בלוינער פּאָוויאַט, נ׳ 3, ז׳ 8, יאָר 1478.

(15) דאָרטן, נומ" 3, ז" 129, יאָר 1480.

(6)) וו. ל. ג. א., נומ" 5, ז" 480, יאָר 1482: „דער בלוינער ייד אברהם פירט אַ פּראָצעס מיטן בלוינער מיעשטשאַן וואָזשיניעץ".

(17) אין יאָר 1482 נעמט אָן דער ייד יאָנאָס דאָס שטאָטישע רעכט אין ניי־וואַרשע. נומ" 1, ז" 774, יאָר 1482.

(18) יעקב (Jacob) אין יאָר 1485, נומ" 1, ז" 753, יאָר 1485.

(19) וו. ל. ג. א., נומ" 5, ז" 1071, יאָר 1486.

(20) דאָרטן.

(21) דאָרטן.

(22) Teodor Wierzbowski, I. c., p. 24, № 31.

(23) ''Anno... dux Boleslaus... recepit centum et viginti florenos ungaricales puri auri et iusti ponderis eisdem ciuibus antiquae ciuitatis Warschouiensis... et eorum successoribus pro tempore existentibus iura infrascripta et prerogativas impehpetuum (sic) debit... quod quotienscunque mercatores seu negotiatores extranei cum quibuscunque bonis suis, rebus et mercibus de quocunque genere et specie fuerint venerint et eas propinare, vendere aut commutare voluerint in dicta civitate antiqua Warschouiensi, etiam in locis curie ducalis diebus quotidianis preter forum annuale tales nonnisi integre in stucis, staminibus, lapidibus res suas quascunque et merces vendendi habeant facultatem. In minore vero pondere et ropinatione ulnatime res ipsas, nisi dum nundinae generales tenerentur vendere potestatem habebunt nullam...''

וועלכע פירן זייער אַן אָנגעשטרענגטן קאַמף קעגן די יידן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אַריינגעכאַפּט קיין וואַרשע און אירע פאָרשטעט, הגם דאָס איז זיי בפירוש געווען פאַרווערט. אין איינעם פון די מעמאָריאַלן, וועלכע דאָס וואַרשעווער בירגערטום לייגט פאָר דער מאַכט, ווערט געזאָגט: „דאָס מאַזאָווישע פירשטנטום... האָט בנוגע יידן געהאַט באַזונדערע געזעצן. אַ באַווייז זענען די עדיקטן פון די מאַזאָווישע פירשטן, וואָס פאַרווערן די יידן אין גאַנצן פירשטנטום צו פאַרנעמען זיך מיט האַנדל, מלאכה און צו וואוינען דאָ״.

פון די פאַקטן וואָס מיר האָבן געבראַכט ווערט גאַנץ קלאָר אַז אין יאָר 1483 איז פאָרגעקומען דער יידן־גירוש פון וואַרשע. די פאַקטן וואָס מיר האָבן אָנגעגעבן אין פּונקט 3 און 4 דערקלערן אויך די סיבות וואָס האָבן גורם געווען דעם גירוש. עס ווערט קלאָר אַז דאָס וואַרשעווער בירגערטום האָט פאַר דעם פּרייז פון 120 פלאָרין באַוואויגן דעם פירשט ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון די נוצן וועלכע עס האָט אים געקאָנט ברענגען די קליינע קאָלאָניע פון די וואַרשעווער יידן, און זאָל זיי אַרויסטרייבן פון דער שטאָט. דער גירוש האָט אים, פאַרקערט, געבראַכט גרויס נוצן, ווייל ער האָט געקאָנט טאָן וואָס ער וויל מיט די הייזער פון די אַרויסגעטריבענע יידן.

עס איז אינטערעסאַנט אָנצואווייזן אַז אויך אין דער קרוין איז אין דער זעלבער צייט, ד״ה סוף 15טן יאָרהונדערט, צווישן דעם דאָרטיקן פּוילישע בירגערטום פאָרגענומען געוואָרן אַן ענלעכע אַטאַקע קעגן די יידישע קאָנקורענטן, און אויך מיט דעם זעלביקן דערפאָלג. אַזוי, למשל, שטעלט קראָקע אַרויס אין יאָר 1485 פאָדערונגען אַז די יידן זאָל דערלויבט ווערן צו האַנדלען אויסשליסלעך מיט פאַרפאַלענע משכנות און דאָס אויך נאָר אין דער צייט פון ירידים, אָדער יאָרמערק (24). די פאָדערונגען פון די לעמבערגער מיעשטשאַנעס (י׳ 1491) זענען מער ענלעך צו די וואַרשעווער: זיי פאָדערן, מען זאָל פאַרווערן די יידן דעם לאַחדים־האַנדל מיט שטאָף (25).

מיר זעען בכן אַז סוף 15טן י״ה האָבן מיר צו טאָן מיט אַ סיסטעמאַטישער פאַרשטאַרקטער אַנטי־יידישער באַוועגונג מצד די פּוילישע מיעשטשאַנעס פון די וויכטיקסטע שטעט סיי אין דער קרוין, אַזוי אויך אין מאַזאָוויע. און ווער ווייסט — אפשר איז די דאָזיקע אַקציע געווען אַ רעזולטאַט פון אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די פאָרשטייערס פון די דערמאָנטע שטעט. אַזאַ פאַרשטענדיקונג לייגט זיך אויפן שכל, מחמת אין יענער צייט בילדעט זיך בכלל אַ קאָאַליציע פון די הויפּטשטעט אין דער קרוין, — אַ פאַקט וואָס לאָזט זיך מיט דער פולסטער זיכערקייט פעסטשטעלן אין אָנהייב 16טן י״ה.

צי זענען די יידן אָפּגעטראָטן פון וואַרשע בלויז אונטער דער ווירקונג פון פּריווילעג פון די וואַרשעווער מיעשטשאַנעס, וואָס האָט זיי מאַטעריעל רואינירט, אָדער דאָס איז געשען אונטער דעם גלייכצייטיקן דרוק פון די אָרגאַניזירטע אַנטי־יידישע עקסצעסן — אויף דעם קענען מיר נישט געבן קיין ענטפער. ס׳איז גענוג די אָנווייזונג אַז אין די יאָרן 1483—1485 הערט מען גאָרנישט וועגן יידן אין וואַרשע, און נאָר אין די אַרומיקע יישובים און שטעטלעך טרעפן מיר אָן זייערע שפּורן.

מיר וואָלטן נישט אויסגעשעפּט די אַלע סיבות וואָס האָבן גורם געווען די קאַטאַסטראָפע אינעם לעבן פון די וואַרשעווער יידן, ווען מיר זאָלן נישט נעמען אין אַכט אויך די פינאַנציעלע לאַגע אין וועלכער עס האָט זיך געפונען דער יידן־באַשיצער, דער דעמאָלטיקער וואַרשעווער פירשט באָלעסלאַוו דער 4טער. באָלעסלאַוו האָט תמיד געהאַט אַ פולן קאָפּ מיט דאגות, ווייל ער איז געווען פאַרשולדיקט ביים וואַרשעווער בירגערטום. ס׳איז נישט קיין וואונדער דעריבער פאַר וואָס ער איז געווען אַזוי ווייך לגבי זיינע קרעדיטאָרן — ער האָט זיך גענייטיקט אין זייער ווייטערדיקן קרעדיט. פאַר דעם פּרייז פון 120 פלאָרין האָט ער מסכים געווען אַרויסצוגעבן די מיעשטשאַנעס אַ פּריווילעג וואָס איז געווען געווענדט קעגן פרעמדע סוחרים, ד״ה קודם־כל קעגן יידן. אין דעם זעלביקן יאָר האָט ער אויך געגעבן זיין הסכם אויף דעם גירוש פון די וואַרשעווער יידן.

---

(24) ד״ר י. שיפּער, „ווירטשאַפטסגעשיכטע פון די יידן אין פּוילן בעתן מיטלאַלטער״, ז׳ 193—195.

(25) דאָרטן.

3 יאָר נאָכן גירוש, ד״ה אין יאָר 1486, קערן זיך די וואַרשעווער יידן צוריק אַהיים לויט אַ בפירושער דערלויבעניש פון פירשט. ווי שוין אָנגעוויזן, דערציילן אונדז וועגן דעם די געריכטאַקטן פונעם פּראָצעס וואָס קומט פאָר אין יאָר 1486 פאַרן וואַרשעווער לאַנדגעריכט צווישן די יידן רובין פון פּולטוסק און בעניאַש פון טשערסק — וואַרשעווער תושבים פאַרן יאָר 1483 — און צווישן דעם וואַרשעווער מיעשטשאַן טעאָפיל, אויף וועלכן ס׳איז אויך בייגעווען אַ ספּעציעלער פאָרשטייער פונעם פירשט — דער קאַסיר אַנדזשעי פון יאַסיעניץ. די דערמאַנטע יידן — וועלכע דער פירשט האָט משמעות, בעת די אונטערהאַנדלונגען וועגן זייער צוריקקער, מבטיח געווען אַז זיי וועלן זייערע הייזער צוריקבאַקומען — קלאָגן אָן טעאָפילן אַז ער האָט פאַרנומען די הייזער וואָס געהערן צו זיי. דערקעגן טעאָפיל, וואָס האָט ווייזט אויס געדונגען די הייזער ביים פירשט, טענהט פאַרן געריכט אַז ער האָט אויף די הייזער באַקומען דאָס רעכט פונעם פירשט גופא. דער פירשט שטעלט זיך דורך זיין קאָמיסאַר אויפן צד פון די יידן — און דעריבער טאַקע גיט דאָס געריכט צוריק די יידן זייערע הייזער און באַפרייט זיי גלייכצייטיק פון צאָלן די פאַרלעגענע שטייערן. דער פירשט באַוואָרנט זיך אָבער אַז אויב די יידן וועלן זיך אין משך פון אַ יאָר מיט 6 וואָכן אַליין אין זייערע הייזער נישט אַריינציען, אָדער נישט באַזעצן דאָרט אַנדערע יידן, מוזן זיי צאָלן שטייערן פאַר דער צייט וואָס זייערע הייזער וועלן שטיין ליידיק.

דער גאַנג פון פּראָצעס, מיטן אָנטייל פונעם פירשטלעכן דעלעגאַט, און באַזונדערס דער רעזולטאַט פון פּראָצעס, איז אַ בפירושער באַווייז אַז די יידן זענען צוריקגעקומען קיין וואַרשע מיטן הסכם פונעם פירשט און אין די אינטערעסן פונעם פירשטלעכן אוצר.

מיר זעען אַלזאָ אַז דאָס אַריינלאָזן די יידן צוריק אין שטאָט איז געווען פּונקט אַזאַ פיסקאַלע אָנגעלעגנהייט, ווי דאָס אַרויסטרייבן זיי מיט אַ פאָר יאָר פריער.

די דאָזיקע דערשיינונג איז פאָרגעקומען נישט נאָר אין מאַזאָוויע. פאַרקערט, מיר קענען דאָ באַמערקן די השפעה פון מערב, וואו די הערשער האָבן שטענדיק געפירט אַזאַ פּאָליטיק לגבי די יידן, אַז נאָך אַ צייטווייליקער באַפרידיקונג, וואָס זיי פלעגן געבן די קריסטלעכע בעלי־חובות פון די יידן אַרויסטרייבנדיק די יידישע באַפעלקערונג, פלעגן זיי די זעלביקע וואָכערניקעס צוריק אַריינלאָזן אין לאַנד, געבנדיק זיי נייע פּריווילעגיעס.

אויף דער לעצטער החלטה פון פירשט האָבן אויך געהאַט אַ השפעה די הלוואות וואָס די יידן האָבן דעם פירשט פאַרגעלייגט „מיטן דאַנקגעפיל״ פאַרן צוריקקערן זיי צו זייער פריערדיקער היים. דער פירשט האָט טאַקע גענאָסן פון די דאָזיקע הלוואות, וועגן וואָס מיר דערוויסן זיך פון די נאָטיצן פאַר די יאָרן 1485—1487 וועלכע געפינען זיך אין די שאַצביכער. די דאָזיקע הלוואות האָבן געמוזט באַטרעפן גאַנץ באַדייטנדיקע געלטסומעס, אויב בלויז איין ראַטע פון אַ הלוואה וואָס דער פירשט האָט גענומען ביי דעם וואַרשעווער יידן מוכא האָט באַטראָפן 30 פלאָרין (י׳ 1487) (26) און ביי דער וואַרשעווער יידישער איינוואוינערין אָשפינע — 26 פלאָרין (י׳ 1485) (27).

פונעם יאָר 1486 און ווייטער הייבן זיך אָן צו באַווייזן רעגלמעסיק נאָטיצן וועגן די וואַרשעווער יידן. דאָס לעבן פון די יידן וואָס זענען פון זייער וואַנדערונג צוריקגעקומען גייט שוין נאָרמאַל. מיט דער הילף פון פירשט האָבן וואַרשיינלעך אויך אַנדערע וואַרשעווער יידן, פּונקט ווי רובין און בעניאַש, צוריקבאַקומען זייער אומבאַוועגלעך אייגנטום וואָס זיי האָבן געהאַט אין וואַרשע אין יאָר 1483. אָבער נישט נאָר די יידישע גיטער קערן זיך אום צוריק צו זייערע אַמאָליקע אייגנטימער, נאָר אויך זייערע זעלבסטפאַרוואַלטונג־אָרגאַנען און זייערע פּאָזיציעס וואָס די יידן האָבן געהאַט פאַרן גירוש ווערן צוריק אויפגעלעבט. דער געמישטער געריכט, דער א״ג יידישער געריכט, הייבט פון דאָס ניי אָן זיין טעטיקייט וואָס איז אין 1483 איבערגעריסן געוואָרן. די קהילה שיקט אַהין אירע בייזיצער. די דאָזיקע פּאָסטנס פאַרנעמען אין יאָר 1489 אַ מאָל

---

(26) מאַזאָווישע מעטריקע, מ. 7, ז׳ 78, יאָר 1487.

(27) דאָרטן, ז׳ 73, י. 1485.

יוסף און יאָנאַס (28), און אַ צווייט מאָל — יוסף און בעניאַש (29). קיין וואַרשע קומט אויך צוריק דער רב („דאָקטאָר“), דער שטענדיקער פאָרשטייער פון דער יידישער קהילה. דעם כסא־הרבנות פאַרנעמט איצט „דאָקטאָר“ אהרן (30).

פונעם פּראָצעס וועגן אַ געשלעג צווישן דעם וואַרשעווער ייִדן אברהם, זיין ווייב אסתר און בעניאַשעבע מיט איר טאָכטער טשאַרנע, דערוויסן מיר זיך וועגן דער עקסיסטענץ פון אַ יידישער שול (31), וואָס איז מסתמא (לויט פּרענקס השערה) חרוב געוואָרן בשעת די געשעענישן פון יאָר 1483.

6. די וואַרשעווער יידן אין די יאָרן 1486 — 1498

זינט די יידן האָבן זיך צוריק אומגעקערט קיין וואַרשע לאָזט זיך באַמערקן אַ געוויסע פאַרבעסערונג אין דער באַציאונג צו זיי מצד דעם פירשט באָלעסלאַוו דעם 4טן. נישט געקוקט דערויף וואָס דער פירשט אַליין האָט אינעם יאָר 1483 ארויסגעגעבן די וואַרשעווער בירגער אַ פּריווילעג לויט וועלכן פרעמדע סוחרים, אַלזאָ אויך יידן, טאָרן נישט פירן קיין לאחדים־האַנדל אויך אויפן פירשטלעכן הויף, שטייט באָלעסלאַוו אין האַנדל־באַציאונגען מיט די יידישע לאחדים־הענדלער. אַזוי, אַ שטייגער, צאָלט ער איין אַ פּולטוסקער יידישער סוחרטע 3 פל' פאַר לייוונט (32), אויך אַ שותפות־געשעפט פון בריסקער יידן — 37 פל' פאַר ווייסן סאַמעט (33).

אויפן פירשטלעכן הויף באַגעגענען מיר אחוץ ליפעראַנטן אויך מעקלערס וואָס זענען באַהילפלעך דעם פירשטלעכן פינאַנץ־אַפּאַראַט. אַזעלכער איז דער טשעכאַנאָווער ייד שלמה (34), וואָס פאַרמיטלט ביים איבערשיקן די שטייערן פונעם טשעכאַנאָווער שרייבער צום פירשט.

באָלעסלאַוו דעם 4טנס ממלא־מקום, קאָנראַד דער 3טער, וועלכן מ'האָט גערופן „דער געלער“, איז אַ מענטש אָן אַ כאַראַקטער. גענוג אָנצואווייזן אַז ער, דער פּיאַסטישער פירשט, פאַרבינדט זיך מיט פּוילנס דם־שונאים — מיטן קרייצפאָרער־אָרדן (35). זיין באַציאונג צו יידן איז אויך נישט קיין גוטע. ער לייגט אויף זיי ארויף זייער שווערע שטייערן, און אונטער דער לאַסט ווערן רואינירט כמעט אַלע וואַרשעווער יידן. ער האָט אויף קיינעם קיין רחמנות נישט, און אויב עמעצער פירט נישט אויס זיין באַפעל זעצט ער אים אַריין אין תפיסה. אַזוי, אַ שטייגער, טרעפט זיך אין יאָר 1495 אַז דער פירשט לייגט אַרויף אויף מאַנאַסאָוואַ און אברהמען, דער רביצינס זון, און אָשפינען אַ שטייער אין דער הייך פון 100 פל' (36). היות זיי האָבן אַזאַ סומע נישט געקענט באַצאָלן און ס'האָט זיי געדראָט תפיסה, גאַראַנטירן פאַר זיי די פאָלגנדיקע יידן: „פּאָוראָזניק“, סמאָלקאַ, מושקאַ, יאָנאַס און אברהמס ווייב, אונטער דער שטראָף פון 200 פלאָרין. וועגן אַן אַנדער פאַל מעלדן אונדז די אַקטן פון יאָר 1491: צוויי יידישע „פּאָוראָזניקעס“, שמעון און יצחק (37), ווערן אַריינגעזעצט אין תפיסה פאַר נישט איינצאָלן שטייערן, און זיי שטעלן צו ערבים אַז זיי וועלן זיך רואיק פאַרהאַלטן אין דער תפיסה אונטער אַ שטראָף פון 300 פלאָרין. אויך אויף דעם וואַרשעווער יידן לאַזאַרוס האָט קאָנראַד קאָנטיק ארויפגעלייגט נישט קיין קלענערן שטייער, אויב ער שטעלט צו 4 ערבים און די שטראָף פאַר נישט האַלטן די תנאים פון ערבות באַטרעפט 300 אונגאַרישע פלאָרין (38).

---

(28) וו. ל. ג. א., נ' 6, ז' 426, י. 1489:

(29) דאָרטן, 7803, י. 1491.

(30) דאָרטן, נ' 6, ז' 780, י. 1491.

(31) דער סינאָד אין ברעסלע (י. 1266) פאַרווערט די קריסטן צו גיין אין איין באָד און שענק מיט יידן (stubac, balnea et tabernae. Hube: Antiquissimae const. syned. prov. Gnes. p. 68-70). זע אויך שיפּערס „ווירטשאַפטסגעשיכטע“, ז' 289. דעמדאָזיקן באַשלוס באַשטעטיקט דער סינאָד אין בודאַ פון 1279.

(32) מאַזאָווישע מעטריקע, נ' 7, פ. 80, י. 1488.

(33) דאָרטן, נ' 7, פ. 77, י. 1487.

(34) דאָרטן, פ. 77, י. 1488.

(35) K. Tymieniecki, Pierwsi gospodarze Warszawy, Warszawa 1919, p. 28-30.

(36) וו. ל. ג. א., נ' 7, ז' 434, י. 1495:

(37) דאָרטן, נ' 6, ז' 780, י. 1491.

(38) דאָרטן, נ' 7, ז' 433, י. 1495.

ס'איז נישט קיין וואונדער וואָס ביי אַזאַ מין פינאַנץ־פּאָליטיק פונעם פירשט לגבי די יידן זענען זיי דערטרונקען געוואָרן אין אַלץ גרעסערע און גרעסערע חובות, וואָרעם נאָר מיט געלט האָט מען געקאָנט קויפן דאָס רעכט אויפצוהאַלטן זיך אין וואַרשע. וועגן די דאָזיקע חובות האָבן מיר אַ גאַנצן צעטל נאָטיצן וואָס באַווייזן אַז די יידן ווערן אַלץ מערער אָפּהענגיק פון דעם רייכן שטאָטישן פּאַטריציאַט. אַזוי, אַ שטייגער, באָרגט זיך אברהמס ווייב ביי דער רייכע מיעשטשאַנקע גערטרודע, מיקאָליי באַריטשקאַס פרוי, איין מאָל 9 פלאָרין (39) אויף היפּאָטעק, אַ צווייט מאָל — 7 פל' (40); דער וואַרשעווער ייד יוסף באָרגט ביים וואַרשעווער פּאַטריציער מיקאָליי באַריטשקאַ 14 פל' (41). די גרעסטע סומע באָרגט מאָנאַסאָוואַ ביי דער פרוי קאַזובאָוואַ (45 שאָק גראָשן).

7. די שקיעה פון דער וואַרשעווער קהילה

פון 1498 ביז 1524 הערן מיר גאָרנישט וועגן די וואַרשעווער יידן. פון וואַנען נעמט זיך דאָס? דאָס איז בלי־ספק אַ פּועל־יוצא פון אַ נייעם יידן־גירוש. דער דאָזיקער גירוש איז אַ היסטאָרישער פאַקט, הגם די קוועלן האָבן אונדז נישט איבערגעלאָזט קיין שום פּרטים וועגן דעם און אויך נישט קיין גענויע דאַטעס פונעם גירוש. אַ בפירושער באַווייז וועגן גירוש איז אָבער אַ בינטל פאַקטן וואָס איז פאַרהיט געוואָרן אין די אַקטן וועלכע זענען נוגע דער ליקווידאַציע פון יידישע הייזער. דאָס איז אַ געוויינטלעכער עפּילאָג פון דער גירוש־דראַמע. ס'איז אויך נישט שווער זיך משער צו זיין ווי ס'האָט אויסגעזען דער פּראָלאָג פון דער דראַמע, ווען מיר וועלן זיך דערמאָנען אַז צו יענע צייטן האָבן אויפן וואַרשעווער גראָד רעזידירט די פירשטן יאַן און סטאַניסלאַוו וועגן וועלכע מיר ווייסן פון אַנדערע קוועלן (42) אַז זיי האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג און געשליידערט געלט אויף רעכטס און לינקס. ס'איז בכן לייכט זיך משער צו זיין אַז דאָס וואַרשעווער בירגערטום האָט איצט, פּונקט ווי אין יאָר 1483, אויסגענוצט די סיטואַציע און האָט פאַר די אויגן פון די לייכטזיניקע פירשטן פונאַנדערגעוויקלט פּערספּעקטיוון פון נייע קרעדיטן. פאַרן פּרייז — פּטור צו ווערן פון זייערע יידישע קאָנקורענטן — האָבן זיי פאַר די פאַרבעל־חובטע פירשטן געעפנט זייערע טייסטערס.

אונדזער מיינונג וועגן דעם נייעם גירוש שטיצט זיך אויף אַ ריי דאָקומענטן, טרוקענע און קורצע, אָבער אונטער וועלכע ס'באַהאַלט זיך אַ טראַגישע ווענדונג וואָס איז פאָרגעקומען אין דער געשיכטע פון וואַרשעווער יידן. אויפן ערשטן אָרט שטייט די ידיעה וועגן אַן אַקט וואָס האָט געשטעמפּלט דעם גורל פון דער יידישער שול אין וואַרשע. אַזוי, אַ שטייגער, איז אונדז באַוואוסט אַז די פירשטן יאַן און סטאַניסלאַוו האָבן אינעם יאָר 1522 געשענקט אַ געוויסן שליאַכטשיץ קאָזשירסקי דעם פּלאַץ פון דער יידישער שול (43).

די שקיעה פון דער וואַרשעווער קהילה לאָזט זיך אויך באַמערקן אין אַ פּאַרמעטענעם דאָקומענט פונעם יאָר 1516, לויט וועלכן די מאַזאָווישע פירשטין אַננאַ שענקט איר הויפדינער מיקאָליי נאָסקאָווסקי, וועלכן מ'האָט גערופן טשעך, פאַר זיינע „געטרייע דינסטן“ אַ ליידיק פּלאַץ גלייך לעבן דעם מויער וואָס רופט זיך אָשווינסקי (לויטן נאָמען פונעם וואַרשעווער ייד אָשוואַ), אין וועלכן ס'האָט געוואוינט דער ייד אברהם (דער מויער געפינט זיך צווישן דעם פּלאַץ פונעם פישער ווישאָטאַ דעם לאַנגן און דעם כּימינסקי־פּלאַץ פונעם יידן כּימאַ „אויף דער יידישער גאַס“). אחוץ דעם גיט איר די פירשטין אויך זייער ווערטפולע רעכט: זי באַפרייט אים, „לויט די אַלטע מנהגים וואָס האָבן געהערשט אין די צייטן ווען די יידן האָבן געוואוינט אין וואַרשע“, פון אַלע שטייערן, צינדזן, קאָנטריבוציעס און שטאָטישע אָפּצאָלן; נאָסאָקאָווסקי וועט, אַזוי ווי אַ מאָל די יידן, אונטערליגן נאָר דעם פירשט און צו אים געהערן (44).

---

(39) Adv. et Scabinalia C. A. V., № 528, f. 21, 23, 1498.

(40) דאָרטן, פּ. 2411, 26, י. 1498.

(41) דאָרטן.

(42) K. Tymieniecki, I. c.: Lunin Karol, Dawne prawo mazowieckie, p. 103.

(43) זע: ע. פּרענק, „עפּיזאָדן פון דער געשיכטע פון די יידן אין וואַרשע“ („היינט“, 1924, נ' 14); נ. סאָקאָלאָוו, „רחוב היהודים בורשה“ („האסיף“, 1894. ז' 129).

(44) הויפּט־אַרכיוו אין וואַרשע (Archivum Główne) סיגנאַטור — נ'

אן ערך אין דער זעלביקער צייט האט דער מאזאווישער פירשט איבערגעגעבן צום קלויסטער פון הייליקן יאן דעם פלאץ וואס איז פארבליבן נאכן חרוב געווארענעם יידישן בית־עולם. דער קלויסטער האט אינעם יאר 1531 (45), ווי מיר האבן שוין אנגעוויזן, אויפגעבויט אויפן ארט פון יידישן בית־עולם א בעקעריי.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם איז נאך כדאי צו ברענגען אייניקע פרטים וועגן אמאליקע ווארשעווער יידן, וואס האבן זיך פארהיט אין די פויזנער אקטן פון אנהייב 16טן י״ה. אין דעם דאזיקן מקור געפינען מיר פראגמענטן פון א שטראפפראצעס וואס איז פארפירט געווארן אקעגן א געוויסן סטאניסלאוו, וועמען מען האט באשולדיקט אין פאבריצירן פאלשע מטבעות אין די געגנטן פון פרעמיסלע (פשעמיסל). בעת דער אויספארשונג האט זיך סטאניסלאוו מודה אז נישט ווייט פון קראסניעוועץ קויפן איין די ווארשעווער יידן אליהו און יצחק פאלשע מטבעות, וואס ווערן דארט אויסגעארבעט (46). וויפל אמת ס׳שטעקט אין די דערקלערונגען פון סטאניסלאוון, וועלכער האט אוודאי לויטן מיטל־עלטערלעכן שטייגער געליטן שווערע ענוים, איז שווער לויט די קוועלן פעסטצושטעלן.

דעם לעצטן שפור פון די ענינים וואס זענען פארבליבן אלס ירושה נאך די ווארשעווער יידן באגעגענען מיר אינעם יאר 1521 (47). אין דעם דאזיקן יאר שטעלט ארויס די ווארשעווער מיעשמשאנקע קאזובאווא א תביעה וועגן דעם פלאץ וואס האט א מאל געהערט צו דער יידישער איינוואוינערין מאנאסאווא, וועלכע איז שולדיק געווען קאזובאוואן פאר 23 יאר א געוויסע געלטסומע. פון די אויבן דערמאנטע נאטיצן און דאקומענטן זענען מער פאר אלץ כאראקטעריסטיש די ווערטער אינעם אקט פון יאר 1516, וועלכן מיר האבן שוין פריער ציטירט: „אלטע מנהגים, וואס האבן געהערשט אין די צייטן ווען די יידן האבן געוואוינט אין ווארשע״ (48).

בכן, לויט די אלע ידיעות האט דער גירוש געמוזט פארקומען תיכף נאכן יאר 1498. אין דעם דאזיקן יאר ענדיקט זיך די געשיכטע פון די יידן אין ווארשע. זינט דעמאלט מעג א ייד בלויז פארבייפארנדיק זיך אויפהאלטן אין ווארשע, און דאס נאר בשעת ירידים. א שטענדיקער אויפהאלט איז די יידן אין פרינציפ פארווערט. נאר אלס יוצא מן הכלל און א דאנק א ספעציעלן חסד פון דער מאכט, געלינגט עס דעם אדער יענעם יידן צו באקומען א ספעציעלן פריווילעג אויף צו וואוינען אין ווארשע צוזאמען מיט דער משפחה. אזא רעכט באקומט, למשל, די משפחה פונעם יידישן מכסניק (שטייער־פאכטער) משה, וועגן וועלכן מיר וועלן רעדן גענויער אין א ווייטערדיקן קאפיטל.

אין די יארן 1498—1524 האלטן זיך אויף בלויז ציטווייליק אין ווארשע יידן פון פארשידענע שטעט פון דער קרוין אדער מאזאוויע, וואס פירן דא אדורך פארשיידענע עסקים. אזוי, א שטייגער, באגעגענען מיר אין ווארשע אין יאר 1503 משהן פון סאכאטשאוו, וועלכער מאנט סחורות ביי די יורשים פון עפעס א דערהרגעטן יידן (49); אינעם יאר 1505 — מיכאל באטיטשקא פון בריסק דליטע, פאר וועמען עס גאראנטירט דער ווארשעווער מיעשטשאן בערנהארד גיעסער אויף א סומע פון 12 פל׳ (50); אינעם יאר 1518 — יאאכימען, פון בריסק־דליטע, וועלכער פארקלאגט דעם ווארשעווער מיעשטשאן קערסקי וועגן א חוב פון 82 פל׳ (51); אינעם יאר 1520 — אדאמען פון בריסק־דליטע, וואס קלאגט אן דעם סאכאטשעווער יידן יעקב וועגן א חוב פון 10 שאק גראשן (52); אינעם יאר 1522 — כאראשענקאן פון גראדנע, וועלכער האט פארזעצט פעל אויף א סומע פון 7 שאק גראשן ביים מיעשטשאן קאזוב (53), און אין 1524 — שמעונען פון ווענגראוו, (וואס איז שולדיק 25 שאק גראשן דעם ווארשעווער מיעשטשאן געארג בורבאכן (54).

די פארטריבענע יידן האבן, אן ספק, אזוי ווי אינעם יאר 1483, געווענדט זייערע טריט צו די נאענטסטע יידישע קהילות, ווי בלוינע, טשערסק, פולטוסק א.אז״וו. זיי האבן אבער נישט פארלוירן די האפענונג אז א מאל אין דער צוקונפט וועט אויך צו זיי א שמייכל טאן דער גורל און אז פאר זיי וועלן זיך עפענען די טויערן פון ווארשע. גענוג אז זיי האבן זיך אויפגעהאלטן אין דער נאענטסטער שכנות פון דער מאזאווישער הויפטשטאט, און מיט דעם דערקלערט זיך טאקע דער פאקט וואס אין די געגנטן פון ווארשע שאפט זיך א נייער יידישער יישוב. זיינע ערשטע שפורן באווייזן זיך אין אנהייב פון 16טן י״ה — אן ספק אין צוזאמענהאנג מיטן גירוש פון די ווארשעווער יידן. אזא יישוב איז געווען אין נאדארזשין (55), וואו מיר טרעפן יידן אין יאר 1525. פון דאנען, פונקט ווי פון בלוינע, פרואוון די יידן אריבערצוקומען צו די פארשטעט פון ווארשע (56), וואס ס׳גיט זיך זיי טאקע טייל מאל איין. צו די ווייטערדיקע באמיאונגען פון די יידן צו באזעצן זיך אויף שטענדיק אין ווארשע מאכט א סוף דער פריווילעג Privilegium de non tollerandis Judeis פונעם יאר 1527.

איידער מיר וועלן צוטרעטן צו א גענויעם אנאליז פון דעם דאזיקן פריווילעג ווילן מיר צו ערשט מאכן א סוף צו דער מיינונג פון סאביעשטשאנסקי (57) און נוסבוים (58) אז שוין אינעם יאר 1525 איז ארויסגעגעבן געווארן א פריווילעג „וועגן נישט טאלערירן יידן אין ווארשע״. די דאזיקע מיינונג שטיצן די דערמאנטע פארשער אויף יאנוש דעם 2טנס דעקרעט פון י׳ 1525, לויט וועלכן דער פירשט פארווערט נישט־קאטאליקן צו פארבלייבן אין ווארשע. סאביעשטשאנסקי און נאך אים נוסבוים נעמען אריין אינעם באגריף „נישט־קאטאליקן״, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין דעקרעט, אויך די יידן, און אויף אזא אויפן באשטימען זיי דאס יאר 1525 אלס די דאטע אין וועלכער ס׳איז צום ערשטן מאל ארויסגעגעבן געווארן דער פריווילעג. בעת מען לייענט אבער דעם דאקומענט גופא ווייזט זיך ארויס אז ער האט גאר קיין שום שייכות נישט צו יידן, נאר ער איז געווענדט אויסשליסלעך אקעגן די אנהענגער פון וועלכן־נישט־איז קריסטלעכן — נישט־רוימיש־קאטוילישן גלויבן; בפרט איז ער געווענדט אקעגן די אנהענגער פון פראטעסטאנטיזם, וועלכער האט זיך דעמאלט אנגעהויבן צו פארשפרייטן אין ווארשע. וועגן דעם זאגט בפירוש עדות דער אפזאץ פונעם דעקרעט, אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן דעם אז „קיינעם אין דעם מאזאווישן פירשטנטום איז נישט דערלויבט צו האבן ביי זיך אדער צו לייענען ביכער פון לוטערס פאלשער אמונה אין וועלכער נישט איז שפראך, אין לאטייניש אדער אין דייטש, אונטער טויטשטראף און קאנפיסקאציע פונעם פארמעגן״ (59).

אויף אזא אויפן צערינט די גאנצע השערה פון די דערמאנטע פארשער. אזוי ווי דער דאקומענט פון יאר 1525 קער זיך נישט

---

(45) ג. סאקאלאוו, „רחוב היהודים בורשה״ („האסיף״, 1894, ז׳ 127.

(46) "Item duo Judei de Warschowia Eliasch et Issack etiam unus in Ploczko Judeus et quartus in Gnezna Judeus florenos mediantes emunt et recipiunt de prope Croszneowycz ubi eos laborant" (Warschauer: Stadtbuch von Posen, p. 332) (Liber maleficiorum ab anno 1502-4).

(47) Adv. et Scab. C. A. V., № 529, 1524

(48) "...iuxta morem veterem tempore iudeorum quando et prout Judei habitabunt (¿habitabant?)".

1,1549. 3.

ציטירט לויט שיפערס „ווירטשאפטסגעשיכטע״, 3-238.
(ניט פאגינירט)

(49) Advoc. et Scab. C. A. V., № 528, f. 64 v, 1503.

(50) Ibidem, f. 74, 1505.

(51) Inscriptiones Causarum Civit. A. V. etc., f. 176, 1518.

(52) וו. ל. ג. א., נ׳ 9, ז׳ 37, י. 1520:

(53) Advoc. et Scab. C. A. V., № 529

(54) וו. ל. ג. א., נ׳ 9, ז׳ 270, י. 1524:

(55) Akta ziemskie pow. Błońskiego, № 5, ҁ. 830, 1525.

(56) אז יידן האבן זיך באזעצט אין די ווארשעווער פארשטעט באווייזט דער פריווילעג פון יאר 1527, וואס שטרייכט אונטער, אז דיידן איז פארווער צו וואוינען אין די פארשטעט פון ווארשע. ס״

(57) העגריק נוסבוים שרייבט אין די „סקיצן פונעם לעבן פון יידן אין ווארשע״ (ז׳ 4):
"Toteż w r. 1525 Janusz ks. Warszawski wydał dekret zabraniający wszystkim niekatolikom a zarazem y Żydom mieszkać w Warszawie oraz trudnić się handlem i rzemiosłem".

(58) Encykl. Orgelbranda, T. 26, p. 437.

(59) "Et nullus in toto Ducatu Mazoviae tam in civitatibus, oppidis quam eorum in villis cujuscunque, conditionis et status existat praesertim in civitate Varsaviensi libros et falsam doctrinam Lutheri in quocunque sermone sive Latino sive Alemanico aut quovis alio tenere apud se et in domibus suis habere, legere ...talis vita privari debeat et bona ejus ...confiscari". (Volumina legum 223 (448).

אָן מיט דער געשיכטע פון די וואַרשעווער יידן, בלייבט אונדז דער פריווילעג פון 1527 אַלס דער אמתדיקער פריווילעג פון Privilegium de non tollerandis Judeis.

8. דער אַנטי־יידישער פריווילעג פונעם יאָר 1527 (60)

אינעם ערשטן טייל פונעם פריווילעג גיט דער קעניג אָן די מאָטיוון וואָס באַוואויגן אים צו פאַרווערן די יידן דעם אויפהאַלט אין וואַרשע. דאָס זענען: 1) די אָנקלאָגן פון די וואַרשעווער מיעשטשאַנעם אויף אַ סך גנבות, שאָדנס און מעשים תעתועים (Multis maleficiis damnis et furtis), וועלכע זאָלן האָבן פאָרגעקומען צוליבן אויפהאַלט פון די יידן אין וואַרשע, און זייער בקשה מען זאָל די יידן דערווייטערן פון וואַרשע; 2) די אַמאָליקע טראַדיציעס פון די צייט פון די מאַזאָווישע פירשטן, אונטער וועלכע די יידן האָבן נישט געטאָרט וואוינען אין וואַרשע: ''Iuxta veterem consuetudinem ipsos judaeos in Civitate Warschowiensi Nova et veteri neque in earum suburbiis morari non permitteremus''...

"Judeos ipsos temporibus transactis nunquam nec in Civitate Warschowiensi Nova et veteri neque in carum. Suburbiis nunquam habitasse''.

די אויספירונגען פון די מיעשטשאַנעם — שרייבט זיגמונט דער 1טער — זענען אונטערגעשטיצט געוואָרן פון די שררות און די פירשטלעכע באַאַמטע און צוליב די דאָזיקע מאָטיוון פאַרווערט דער קעניג די יידן סיי איצט און סיי אין דער צוקונפט: א) אויפצוהאַלטן זיך אין שטאָט, ב) שטענדיק צו וואוינען אין אַלט־ און ניי־וואַרשע און אין אירע פאָרשטעט (Mansionem et incolatum interdicimus) ג) צו פאַרמאָגן דאָרט וועלכע־נישט־איז וואוינונגען אָדער הייזער (Res earum habitaciones seo domos ilic possidere)

איין איינציקן אויסנעם מאַכט דער קעניג פאַר „משה דעם עלטערן, צוליב זיינע פאַרדינסטן פאַר די מאַזאָווישע פירשטן ''excepto solo et unico Moisé, antiquo teleoneatore nostro cui propter eius servitia ducibus olim Masoviae exhibita illic Warschoviae... habitare... permttimus...'' — אים ווי אויך זיין גאַנצער משפחה דערלויבט דער קעניג צו וואוינען אין וואַרשע בתנאי אַז קיין שום ייד וואָס איז נישט קיין מיטגליד פון זיין משפחה זאָל נישט טאָרן וואוינען ביי אים אין הויז; נאָך משהס טויט מוז די איבערגעבליבענע משפחה פאַרלאָזן וואַרשע. דורכצופירן און אָפצוהיטן די דאָזיקע פונקטן גיט דער קעניג איבער דעם מאַזאָווישן וואָיעוואָדע פעליקס פון בריסק, דעם טשעכאַנאָווער קאַסטעלאַן און גלייכצייטיק דעם וואַרשעווער סטאַראָסטע אַנדזשעי גאָלינסקי און דעם וואַרשעווער שטאָטראַט, וועלכער איז אַחוץ דעם פאַרפליכטעט צו דערווייטערן די יידן וואָס וועלן זיך באַווייזן אויף דער טעריטאָריע פון וואַרשע און אירע פאָרשטעט.

ווי מען זעט פונעם קיצור פון דעם פריווילעג, זענען די איניציאַטאָרן פון דעם נייעם גירוש ווידער געווען די וואַרשעווער מיעשטשאַנעם, וועלכע האָבן געמוזט גוט פילן די פאַרשטאַרקטע קאָנקורענץ מצד די יידן אין די יאָרן 1523—1527. כאַראַקטעריסטיש אַז דעם אויבנאָן אין דעם פריווילעג פאַרנעמען מאָטיוון וואָס

---

(60) דער אָריגינאַל פונעם פריווילעג געפינט זיך אינעם הויפּט־אַרכיוו אין וואַרשע (Arch. Główne) — (סיגנאַטור: נומ' 1557, 1, 3,), וווהין מען האָט אים אין די אַכציקער יאָרן פון 19טן י"ה אַריבערגעטראָגן צוזאַמען מיט אַנדערע דאָקומענטן פונעם שטאָטישן אַרכיוו אין וואַרשע. דער אָריגינאַל איז אַ פאַרמעטענער, אָן אַ זיגל, פון וועלכן ס'איז פאַרבליבן בלויז אַ שפור. אויף דער דרויסנדיקער זייט פון דאָקומענט געפינט זיך אַן אויפשריפט: "Privilegium quo submoventur Judei in civitate Antiqua W.'' דער דאָקומענט איז אונטערגעשריבן דורכן קעניגלעכן אונטערקאַנצלער פּיאָטר טאָמיצקי. די ערשטע אָבלאַטע פונעם פריווילעג געפינט זיך אין וואַרשעווער לאַנדבוך (נומ' 16, ז' 60) און שטאַמט פון יאָר 1528. די דאָזיקע אָבלאַטע איז געמאַכט געוואָרן לויט דער פאַראָרדענונג פון וואַרשעווער סטאַראָסטע. איר קעפּל לויטעט:
"Ingrossacio litterarum Regium ex mandato domini Capitanei ex parte Judeorum obtentarum''
דער פריווילעג איז אָפגעדרוקט אין „וואָלומינאַ לעגום", אויך ביי T. Wierzbowski, I. C., № 33, p. 35

זענען אַרויסגענומען פונעם ווערק פון באַרימטן פוילישן מלוכה־מאַן און געלערנטן יאַן אָסטראָראָג "Monumentum pro comitiis generalibus regem sub rege Casimiro pro reipublicae ordinatione'', וואָס איז דערשינען אין די יאָרן 1490—1504 (61). אינעם קאַפּיטל „דאָס רעכט פון די יידן" (62) ווייזט אָן אָסטראָראָג אַז ווען ס'וועט אָפגעשאַפט ווערן דאָס רעכט פון די יידן צו נעמען וואָכער, וועלן מיט דעם אין איינעם אויך אויפהערן די צאָלרייכע גנבות, וועלכע קריסטן באַגייען, וואָרעם מ'וועט אויפהערן צו שטרעבן אויף אַזאַ אופן צוריקצובאַקומען די האַנט־משכנות וועלכע זיי פאַרמשכנען ביי יידן פאַר די הלוואות וואָס די יידישע וואָכערניקעס גיבן זיי. די כוונה אַרויסצורוקן בראש אַרגומענטן, גענומען פון אַזאַ אויטאָריטעט ווי אָסטראָראָג, איז אַ קלאָרע: די מיעשטשאַנעם האָבן געוואָלט אויף אַזאַ אופן שטאַרקער דריקן אויפן קעניג וואָס האָט זיך מיט דער מיינונג פון אָסטראָראָג געוויס זיכער גערעכנט.

דאָס יאָר 1527 איז, אַלזאָ געווען דער סוף פון אַ נייעם קאַמפ־עטאַפ צווישן דעם פוילישן בירגערטום און די יידן — פון אַ קאַמף, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט אַ פולשטענדיקער מפלה פון די יידן.

און ווידער, ווי אין די פריערדיקע פאַזעס פונעם קאַמף צווישן די צוויי צדדים, קאָן מען אָנווייזן אויף ענלעכע גלייכצייטיקע פאַסירונגען אין דער קרוין און פעסטשטעלן דעם פאַקט אַז די געשיכטע פון די דאָזיקע כלומרשטע אָפגעטיילטע מלוכות ווייזט אַרויס אַ סך בשותפותדיקע טרעפפונקטן. די השערה אַז ס'האָט געמוזט פאָרקומען אַ פאַרשטענדיקונג צווישן דעם פוילישן בירגערטום אין מאַזאָוויע מיטן בירגערטום פון דער קרוין געווינט אַלץ מער אַ שטאַרקן יסוד. וואָרעם אין די יאָרן 1521—1527 באַמערקן מיר אין דער קרוין (קראָקע — 1521, 1527; לעמבערג — 1521, 1527 (63); פלאָצק — 1521, 1522) (64) אַ פאַרשטאַרקטע קאַמפאַניע פונעם בירגערטום וואָס שטרעבט צו באַגרענעצן די האַנדל־פרייהייט וועלכע איז גאַראַנטירט געוואָרן דורך די יידישע פריווילעגן. דאָס בירגערטום פון דער קרוין האָט געשטרעבט צו באַגרענעצן דעם לאַחדים־האַנדל פון די יידן (אַחוץ אין דער צייט פון ירידים). אויך דעם האַנדל מיט געוויסע אַרטיקלען, ווי מיר האָבן דאָס פריער אָנגעוויזן.

דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן קאַמף איז געווען אַן אַנדערער אין דער קרוין און אַ גאַנץ אַנדערער אין מאַזאָוויע.

אין דער קרוין האָט דער קעניג באַגרענעצט די האַנדלרעכט פון די יידן, ער האָט זיי אָבער נישט דערווייטערט פונעם לאַנד. פאַרקערט, אין אַ בריוו פון יאָר 1528 (65) שרייבט דער קעניג צו די לעמבערגער מיעשטשאַנעם אַז באַין־אופן וועט ער נישט דערלאָזן, די דאָזיקע האַנדל־באַגרענעצונגען זאָלן אָנגעווענדט ווערן לגבי די יידן אין אַזאַ מדרגה אַז דאָס זאָל צווינגען די לעצטע אויסצוואַנדערן פון פוילן. די סיבה דערפון איז וואָס אין דער קרוין, בפרט אין די גרעסערע שטעט, ווי קראָקע, לעמבערג, לובלין, האָבן די יידן געבילדעט צאָלרייכע יישובים, וואָס פלעגן יאָר־יערלעך אַריינברענגען אין קעניגלעכן אוצר גאָר היפשע געלטסומעס (אַזוי, למשל, האָט דער יאָרצינדז אין פוילן פאַרן יאָר 1493 באַטראָפן 200 פל', אין קראָקע אין יאָר 1494 — 100 פל) (66). אין פאַל ווען מען וואָלט די יידן פאַרטריבן פון יענע מקומות וואָלט אין דעם קעניגלעכן אוצר געוואָרן אַזאַ טיפע לאָך אַז די טייסטערס פון די מיעשטשאַנעם וואָלטן נישט ביכולת געווען דעם חלל אויסצופילן.

אַנדערש איז געווען אין מאַזאָוויע. דאָ האָט דער פיסקאַלער מאָמענט, וואָס איז געווען דעצידירנדיק אין דער באַציאונג פון קע־

---

(61) Helcel, ''Starodawne prawa polskiego pomniki'', XXXIV.

(62) ''Judaeorum ius''. ''Judaei etiam ius habent iniquum ut usuras accipiant, res alienas detineant et possideant nec restituere teneantur, nisi datur quantum velint. Tollatur omnino hoc et cassetur. Quod si haec illis adimetur libertas peribunt et ingentia furta''.

(63) פג'ל ד''ר שיפערס „ווירטשאַפטס געשיכטע'', ז' 218 א''א

(64) פג'ל דעם פאַרמעטענעם פריווילעג, וואָס געפינט זיך אין הויפטאַרכיוו אין וואַרשע (סיגנ. נ' 3708, 3. 4. IV).

(65) פג"ל ד"ר שיפערס „ווירטשאַפטס־געשיכטע'', ז' 222.

(66) דאָרטן, זז' 307—309.

ניג צו די יידן אין דער קרוין, נישט געשפּילט די ראָלע — פּשוט צוליב דעם טעם ווייל די יידישע קהילות אין מאַזאָוויע זענען געווען שוואַך אין כמות אין פאַרגלייך מיט די קהילות פון דער קרוין.

צו דעם קומט נאָך צו זייער אַ וויכטיקער מאָמענט. מאַזאָוויע איז אינעם יאָר 1527 פאַראייניקט געוואָרן מיט דער קרוין. דעם פּוילישן קעניג, אַלס אַ נייעם בעל־הבית, איז שטאַרק געלעגן צו געווינען די סימפּאַטיע פון דער פּוילישער באַפעלקערונג פון דעם נייַ באַקומענעם לאַנד. אַזוי ווי דאָס וואַרשעווער בירגערטום האָט אין די לעצטע יאָרצענדליקער פון 15טן י״ה און אין אָנהייב פון 16טן י״ה געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אינעםווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, האָט דער קעניג געמוזט געווינען פאַר זיך די סימפּאַטיעס פון בירגערטום. לייכטער פאַר אַלץ האָט ער דאָס געקאָנט דערגרייכן דורכן באַשטעטיקן זיי די פריערדיקע פּריווילעגיעס, ווי אויך אָנערקענענדיק די מנהגים פון די צייטן פון דער אומאָפּהענגיקער מאַזאָוויע וואָס זענען געווען גינציק פאַרן בירגערטום. דעריבער האָט זיך טאַקע דער פּוילישער קעניג, צו וועמען ס'האָט זיך אין מאַרץ 1527 געווענדט אַ דעלעגאַציע פון די וואַרשעווער מיעשטשאַנעס מיט דער בקשה צו באַשטעטיקן זיי זייערע פּריווילעגן (67), סימפּאַטיש באַצויגן צו זייער בקשה. ער האָט זיי באַשטעטיקט דעם פּריווילעג פון יאָר 1413 פון יאַנוש דעם 1טן און אויך געגעבן זיי דעם דערמאָנטן פּריווילעג פון יאָר 1527 (68).

אָט אויף וואָס פאַר אַ פּאָן איז אויפגעקומען דער פּריווילעג פונעם יאָר 1527, וועלכער האָט אויף אַ גאַנצע ריי יאָרהונדערטער — ביז דער העלפט פון 18 י״ה — פאַרשלאָסן די טויערן פאַר יידן פון וואַרשע. אַלע פּוילישע קעניגן פלעגן דעם דאָזיקן פּריווילעג באַשטעטיקן ביים אַרויפגיין אויפן כסא־המלכות.

דער לעצטער ווידערקול פונעם יידן־גירוש אין וואַרשע איז פאַרהיט געוואָרן אין אַ דאָקומענט פונעם יאָר 1527 (8 אַפּריל) (69), אין וועלכן דער קעניג פאַרווערט די יידן און די מיעשטשאַנעס קעגנזייטיק זיך צו לאָדן פאַרן געריכט (in curia regis), וואָס געפינט זיך אין וואַרשע. דער דאָזיקער פאַרבאָט נעמט זיך פון די צאָלרייכע סיכסוכים וואָס האָבן אויסגעבראָכן צווישן יידן וועלכע האָבן ליקווידירט זייערע עסקים אין וואַרשע, און צווישן דעם וואַרשעווער בירגערטום.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש אַז אין די שפּעטערדיקע צייטן האָט אפילו דער „ועד ארבע ארצות" (70) פאַרווערט די יידן צו באַזעצן זיך אין וואַרשע. משמעות אַז דער דאָזיקער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן לויט אַ וואונק פון דער מאַכט, וואָס פלעגט זיך נישט איין מאָל באַנוצן מיטן אויטאָריטעט פון דער יידישער רעליגיע, בפרט מיטן חרם, צוליב אירע זייטיקע צוועקן. וועגן דעם דאָזיקן פאַרבאָט דערוויסן מיר זיך פון טיקאָצינער פּנקס אין וועלכן ס'ווערט געבראַכט די החלטה פון ועד אין יאָר 1669. די דערמאָנטע החלטה איז אַ באַשטעטיקונג פון אַ פריערדיקער וואָס האָט נישט דערלויבט יידן צו באַזעצן זיך אין מאַזאָוויע (71). פון וועלכן יאָר עס שטאַמט יענער אַלטער פאַרבאָט איז שווער פּינקטלעך פעסטצושטעלן. נעמענדיק אָבער אין אַכט די רעזולטאַטן פון די פאָרשונגען וועלכע ס'האָבן אַדורכגעפירט די יידישע היסטאָריקער און לויט וועלכע דער ועד איז אויפגעקומען לערך אין די יאָרן 1570-1580, קאָנען מיר רעכענען אַז די דאָזיקע החלטה איז אָנגענומען געוואָרן אַן ערך סוף 16טן, אָדער אָנהייב 17טן יאָרהונדערט.

די דאָזיקע החלטה און איר באַשטעטיקונג אין יאָר 1669, ווי אויך, פון דער אַנדערער זייט, די כסדרדיקע באַשטעטיקונגען פונעם פּריווילעג פון יאָר 1527, זענען אַ בפירושער באַווייז אַז די יידן האָבן זיך דאָך נישט אָפּגעזאָגט פונעם געדאַנק צו באַזעצן זיך אין אַזאַ וויכטיקן האַנדלס־צענטער ווי ס'איז דעמאָלט געווען וואַרשע, און אַז זיי האָבן כסדר געפּרואווט צו פאַרבלייבן אין דער שטאָט.

די לעצטע מאָהיקאַנער

דער פּריווילעג פונעם יאָר 1527 איז אַריין אין קראַפט תיכף נאָך דעם ווי ער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן לטובת די וואַרשעווער מיעשטשאַנעס. דער שטאָטראַט, וועמען מען האָט באַפוילן אָפּצוהיטן די תקנות פון פּריווילעג, האָט אוודאי גוט אַכטונג געגעבן אַז קיין שום ייד זאָל נישט וואגן צו פאַרבלייבן אין די וואַרשעווער מויערן. אַ יוצא מן הכלל ,ווי געזאָגט, איז געווען די משפּחה פונעם שטייער־פּאַכטער משה, וואָס האָט געהאַט אַ ספּעציעלע דערלויבעניש צו פאַרבלייבן אין וואַרשע.

משהס משפּחה, וואָס איז באַשטאַנען פון 2 זין, לאַזאַרוס און יעקב, אַ טאָכטער אַננאַ און ווי עס שיינט אויך פון אַן איידעם — משה דעם יינגערן ,האָט אַנטוויקלט דאָ אַ ברייטע ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט. דאָס באַווייזן די צאָלרייכע געריכט־נאָטיצן פון די יאָרן 1527—1532. משה מיט זיין משפּחה, וועלכע פירן בשותפות האַנדל־ און קרעדיט־עסקים, פאַרמאָגן קאָלאָסאַלע געלטסומעס. כדי צו געבן אַ בילד פון זייער עשירות איז גענוג צו ברענגען די דערקלערונגען וואָס משה האָט געמאַכט פאַרן געריכט נאָכן אָנפאַל פון די וואַרשעווער בירגער אינעם יאָר 1529: מען האָט ביי אים דעמאָלט אָפּגערויבט 100 שאָק גראָשן וועלכע ער האָט געהאַט גרייט אויף איינצוקויפן תבואה, 40 שאָק גראָשן — אויף אַרענדע פונעם שטייערפּאַכט. ווייטער: 12 זילבערנע רינגען, 10 אונגאַרישע פלאָרין אא״וו, אַחוץ דעם — כלערליי סחורות, ווי אַראַס, סאַטין, שוואַרצן סאַמעט, „אַדאַמאַשעק", טשאַמלעט, ווייסן קעלנערשטאָף אד״גל, אַחוץ דעם אָן אַ שיעור משכנות (72).

דעם אויבנאָן אין דער דאָזיקער משפּחה פאַרנעמט משה דער עלטערער. זיין טיטל (73) (doctor ebraicus) זאָגט אונדז אַז אַחוץ עסקים האָט ער אויך פאַרמאָגט גרויס וויסן. אינעם יאָר 1526, ד״ה נאָך אין די צייטן פון די מאַזאָווישע פירשטן, נעמט ער אין אַרענדע דער וואַרשעווער לאַנדשטייער און צאָלט פאַר אים 60 שאָק גראָשן אַ יאָר (74). ס'ווייזט אויס אַז זיינע פונקציעס אַלס פּאַכטער האָט משה גוט אויסגעפּילט, מחמת פאַר זיינע פאַרדינסטן ביי די מאַזאָווישע פירשטן האָט דער קעניג אים דעם איינציקן דערלויבט צו פאַרבלייבן אין וואַרשע. אויך זיגמונט דער 1טער איז געווען צו־

---

(67) Teodor Wierzbowski, I. c., p. XXV.

(68) בנוגע דעם פּריווילעג פון 1527 מיינען אַ טייל היסטאָריקער אַז ער איז אַ באַשטעטיקונג פון דעם כלומרשטן אַנטי־יידישן פּריווילעג פונעם פירשט יאַנוש דעם 1טן פון י׳ 1525; אַ טייל, דערקעגן, מיינט אַז ער איז אַ באַשטעטיקונג פון פּריווילעג פון י׳ 1483. זע: נ. סאָקאָלאָוו „רחוב היהודים בורשה", ז׳ 129; אויך: Encyklopedia Orgelbranda, I. 26, p. 437 א״אַ. לויט אונדזער מיינונג איז די דאָזיקע באַהויפּטונג אַ פאַלשע, וואָרעם זיגמונט דער 1טער פלעגט בעתן באַשטעטיקן די פּריווילעגן פון זיינע פאָרגייער ברענגען זייערע טעקסטן וואָרט־ווערטלעך, נישט אַדורכלאָזנדיק אפילו זייערע טיטולן. אין אונדזער פאַל שטרייכט זיגמונט דער ערשטער גאַנץ בפירוש אונטער אַז דעם דאָזיקן פּריווילעג גיט ער די מיעשטשאַנעס אויפן סמך „פונעם אַלטן מנהג" וואָס שטאַמט פון די צייטן בעת מאַזאָוויע איז געווען אומאָפּהענגיק. דאָס איז אַ בפירושער באַווייז אַז דער פּריווילעג פונעם יאָר 1527 איז אַן אָריגינעלער אַקט, וואָס נעמט בלויז אין אַכט דעם אַלטן מנהג.

מער פאַר אַנדערע האָט פאַרפּלאָנטערט דעם ענין פון די אַנטי־יידישע פּריווילעגן הענריק נוסבוים. לויט זיין מיינונג האָט דער פירשט יאַנוש פאַרווערט די יידן אינעם 1525 צו פאַרבלייבן ווייטער אין וואַרשע אַ מרחק פון צוויי מייל ווייט פון שטאָט, אַ חוץ דער צייט פון די סיימען (אינעם יאָר 1525 סיימען אין וואַרשע?!). זיגמונט דער ערשטער האָט דעם דאָזיקן פּריווילעג געזאָלט באַשטעטיקן און די דורכפירונג געזאָלט איבערגעבן דעם מאַזאָווישן וואָיעוואָדע און דעם וואַרשעווער שטאָטראַט.

H. Nussbaum, Szkice historyczne z życia Żydów w Warszawie, p. 5—6.

מיר האָבן פעסטגעשטעלט אַז דאָס אַלץ וואָס נוסבוים שרייבט וועגן פּריווילעג פון י׳ 1525 באַציט זיך צום פּריווילעג וועלכן דער פּוילישער קעניג זיגמונט אויגוסט האָט אינעם יאָר 1571 געגעבן די וואַרשעווער מיעשטשאַנעס. פּג״ל דעם פאַרמעטענעם פּריווילעג וואָס געפינט זיך אין וואַרשעווער הויפּט־אַרכיוו, סיגנאַטור 1618, 2, 3. אויך: Teodor Wierzbowski, I. c., № 75

(69) Teodor Wierzbowski, I: c., № 37.

(70) פּג״ל די אַקטן פון „ועד ארבע ארצות", 1טער טיקאָצינער קאָלעקציע (1621—1699), נומ׳ 11, יאָר 1669, ז׳ 80 אין „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ" (רוסיש), פּעטערבורג, 1912, ב׳ 1.

(71) „..הערט צו כל הקהל הקדוש.., מאחר אַז עס איז ידוע לכל דז אין תקנות הקדמונים, דז קיין בר ישראל זאָל נישט וואונין במדינת מאזי" (מאַזאָוויע). טיקאָצינער פּנקס (1621—1699), נומ׳ 11, ז׳ 80 אין „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ".

(72) װ. ל. ג. אַ., נומ׳ 16, ז׳ 131, י׳ 1529.

"Recognitio pro parte Judeorum'';

"Recognitio preconis in causa Judeorum", 1529, 105 v

(73) דאָרטן, נומ׳ 15, ז׳ 172, י׳ 1527

(74) Rejestr czynszów oraz innych dochodów książęcych a. 1526 (נישט פּאַגינירט) (Archiwum Skarbowe w Warszawie. Dział staropolski ks. № 42). ''Theloneum terrestre a festo cancte Hedwigis anni suprascripti ad aliud simile festum Sancte Hedwigis pro 60 sexagenis iudeo est arendatum''.

פרידן פון זיין טעטיקייט אַלס מכסניק. אין אַ ספּעציעלן בריוו, געווענדט צום שרייבער בעלסקי, באַפעלט אים דער קעניג אויסצודריקן משהן אַ דאַנק פאַר דער פרוכטבאַרער טעטיקייט, און אַלס צייכן פון דאַנקבאַרקייט פאַרקלענערט ער אים די אַרענדע־געלט פון מכס מיט גאַנצע 10 שאָק גראָשן (75).

אחוץ זיין הויפּט־באַשעפטיקונג — שטייער־אַרענדע — צוליב וועלכער ער טראָגט אויך דעם טיטל Teloneator S.R.M., **פאַרנעמט** זיך משה אויך מיט אַנדערע האַנדל־ און קרעדיט־עסקים. דער האַנדל איז געווען אַ וויכטיקער קוואַל פון זיינע הכנסות. וועגן דעם זאָגט עדות אַ גרויסע רשימה פון כלערליי טייערע סחורות וועלכע מען האָט ביי אים צעראַבירט בעתן דערמאָנטן אָנפאַל פונעם יאָר 1529. אַלס אילוסטראַציע גיבן מיר דאָ אָן דעם פּרייז פון די באַזונדערע סחורות וועלכע האָבן צוזאַמען באַטראָפן 90 שאָק גראָשן (76):

1	באַל	cubilecti (pecias) אָדער האַראַס,	צו 9	פלאָרין
2	באַלן	„ „ „	„ 8	„
3	„	„ „ „	„ 7	„
3	„	„ סאַטין	„ 100	גראָשן
30	„	„ „אַדאַמאַשעק"	„ 30	„
26	איילן	שוואַרצער סאַמעט	„ 1	שאָק
3	„	goździkowy czamlet polustuczki	„ 2	„
2	באַלן	ווייסער קעלנער־לייוונט	„ 2	„
3	„	„ „ „ „	„ 1	„
1	„	„ „ „ „	„ 1	„

אחוץ שטאָף האַנדלט אונדזער משה אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב אויך מיט תבואה, וועלכע ער פירט מסתמא קיין דאַנציק. אַ השגה וועגן דער גרייס פון דעם האַנדל גיט אונדז משהס דערציילונג אַז מען האָט ביי אים צוגענומען 100 שאָק גראָשן וועלכע זענען געווען באַשטימט אויף איינקויפן תבואה. מ'דאַרף נאָך צוגעבן אַז משה פאַרמאָגט פיל משכנות (77), אַז ער קען זיי גאָר נישט אויסרעכענען אויסנווייניק —, און מיר וועלן אַזוי אַרום האָבן אַ קלאָר בילד וועגן משהס פאַרשיידנאַרטיקע עסקים.

משה — דאָס איז דער רייכסטער וואַרשעווער ייד וועלכן מיר האָבן אָנגעטראָפן פאַר די 118 יאָר וואָס מיר באַהאַנדלען דאָ אין אונדזער אַרבעט. אויב מיר האָבן קיין איינעם אפילו פון די רייכסטע וואַרשעווער סוחרים אָדער וואָכערניקעס נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט די יידישע סוחרים און באַנקירן אין דער קרוין, קאָנען מיר משהן זיכער שטעלן אין דער מדרגה פון אַ יידישן באַנקיר פון קראָקע אָדער לעמבערג. אחוץ משהן אַנטוויקלט אויך זיין זון לאַזאַרוס און זיין איידעם משה דער יינגערער אַ רייכע האַנדל־ און קרעדיט־טעטיקייט, אויף וועלכער מיר וועלן זיך אָבער דאָ נישט אָפּשטעלן.

ווען מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון אַז משהס השפּעה האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן די וואַרשעווער מיעשטשאַנעס אויפן געביט פון מסחר און קרעדיט, איז נישט קיין חידוש וואָס דאָס וואַרשעווער בירגערטום האָט געטראַכט ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דעם שארית־הפּליטה. אין יאָר 1529 אָרדענען איין די בירגער אַן אָנפאַל אויף די הייזער אין וועלכע ס'האָבן געוואוינט משה מיט זיין משפּחה. בראש פונעם אָנפאַל שטעלט זיך דער וואַרשעווער ראַטמאַן יאַן — נישט אומזיסט גערופן ווילטשעק — וועלכער נעמט זיך צוהילף דעם וואַרשעווער מיעשטשאַן יאַן פּאַלטראַק (78).

---

(75) Regestrum pro exaccione etc. (פאַגינירט) (Arch. Skarb. Dział staropolski, ks. № 42, a. 1527: “Item Judeo Theloneatori Varschawiensi ad litteras M. Regie Notarius Belzky fecit gratiam iudeo Et fiat(?) sexagenas 10 dimisit arende thelonei contracti”.

(76) וו. ל. ג. א., נומ' 16, ז' 105, 131, י' 1529.

(77) ‘‘Et res impignoratas asseruerunt illis fore multas perditas et receptas quas allegauerunt se protunc non posse enumerare et specificare sicut teriti et in memoria ponere(?) perpulsi distracti existentes’’...

(78) “Idem preco (recognovit) quod pro hys(!) omnibus rebus et damnis et vilencia inculpaverunt predictos Johannem Wylczek, Johannem aurifabrum et eis artificiis.. qui apud eundem laborat (נישט לעזבאַר) cum eorum complicibus predictis... tamquam principales’’.

דער אָנפאַל גופא האָט, לויטן עדות־זאָגן פון די וואַרשעווער בירגער יאַן דער מאָלער און יאַן לאָטשיוואָדאַ, געהאַט דעם פאָלגנדיקן פאַרלויף: בעת דער וואַרשעווער ייד משה דער יינגערער האָט זיך געפונען אין זיין דירה צוזאַמען מיט זיין ווייב און אַ גאַסט, איז אויף זיי אָנגעפאַלן די וואַרשעווער יוגנט און געוואָרפן אויף זיי שטיינער. משה, זייענדיק דערשראָקן צוליב דעם פּלוצעמדיקן אָנפאַל, האָט זיך באַהאַלטן אין אַ קאַנאַל וואָס פאַראייניקט זיין הויז מיטן הויז פון מאָלער יאַן. אַזוי ווי מען האָט אים אויך דאָרט ווייטער באַוואָרפן מיט שטיינער, האָט ער פונעם דאַך פון יאַנס הויז אַרויסגעריסן אַ פּאָר ברעטער און באַהאַלטן זיך ביי יאַנען. יאַן, דערציילנדיק די גאַנצע מעשה, איז זיך מודה אַז דעמאָלט האָט ער אים אין שפּאַס אַ פרעג געטאָן: פאַר וואָס פאַרטיידיקסטו נישט דיין הויז, מען ראַבעוועט עס דאָך? דערויף האָט אים משה געענטפערט: „איך וויל נישט! הלוואי זאָל איך מציל זיין מיין געזונט און דעם געזונט פון מיין ווייב”. — אַן ענלעכע דערקלערונג האָט אָפּגעגעבן אויך דער וואַרשעווער בירגערמייסטער יאַן לאָטשיוואָדאַ: משה דער עלטערער, דערשראָקן פון די שטיינער וואָס זענען אויף אים געוואָרפן געוואָרן, האָט זיך באַהאַלטן אין לאָטשיוואָדאַס דירה. „דער ייד — דערציילט דער בירגער־מייסטער — האָט ביי זיך גאָרנישט געהאַט אחוץ אַן אַלטן פעלץ אַרומגעגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם פּאַסיק”.

וואָס פאַראַ פּעולה ס'האָט געהאַט די אויספאָרשונג וועגן דעם אָנפאַל, איז אומבאַוואוסט.

אינעם יאָר 1532 ענדיקן זיך אַלע ידיעות וועגן די וואַרשעווער יידן. משמעות אַז משה איז געשטאָרבן און נאָך זיין טויט האָט זיך די גאַנצע משפּחה, לויט די תקנות פונעם פּריווילעג, געמוזט אַרויסציען פון וואַרשע. ס'איז אויך כאַראַקטעריסטיש אַז די וואַרשעווער קוועלן שווייגן אויך וועגן פרעמדע יידן וואָס פלעגן פריער אַזוי אָפט באַזוכן וואַרשע.

אַזוי זעט אויס דער סוף פון דער קליינער יידישער קהילה אין דער מיטלעלטערלעכער וואַרשע.

דער עפּילאָג פונעם גירוש אין יאָר 1483

דער פּראָצעס צווישן די וואַרשעווער יידן רובין און בעניאַש און דעם וואַרשעווער מיעשטשאַן טעאָפיל וועגן הייזער.

Feria quarta post sancti Martini Confessoris et tni(?) venerandi coram venerabili Andrea Andrea de Jassyenyecz Canonico et Notario Warsch. Curato in Lukowo tamque Comissario per litteras Serenissimi Principis dominis ducis Boleslai ad infrascripto deputato necnone(?) paulo lurk condo(?) Notario et aliis assesoribus protunc sua in Judicio presidentibus Anno dni M-o etc. LXXXVI.

Dum perfidi Judei Rubin de Polthowski et Byenyasch de Czyrsk super circumspectum Theophil Civem W. iudicialiter proposuerunt pro eo quia ipse introligatus est in ipsorum domis quos habent in Warschovia. ipsos ullo. Jure vincendo Extunc ipse Theophil tali respondit domini Ego sum introligatus in ipsorum domos in censibus se retentus a tribus annis super quos Census Jusa Serenissimo Principe domino duce Boleslao habeo quod hicidem produxit lex adverso prefali Judei Rubin et Myenyasch protecti sunt iure ipsorum asserentes se umquam soluere census de domibus sed de personis suis tantum dominus vero canonicus tanquam Commissarius per literas I. P. dni ducis Boleslai speciale ad premissa deputatus cum ceteris assesorbis protunc cum sua venerabile Judaicio presidentibus proposione et responsione diligenter exauditis Juribusque humande(?) productis bene et sufficienter Intellectis ac super hoc fcato sufficienti tractata ipsos Judeos Rubin et Byenyasch cum de domibus non solverunt censum sed solvenda suis personis a solucione censum retentorum liberos effecit Introligacionemque ipsius Theophil cassavit et mortificavit realiter et cum effectu nollum robur obtinere... (נישט לייענבאַר) extunc si ipsi Judei a domibus suis per spacium unius anni et sex septimarumse absentaverint sic quod ipsorum prefatu domus desertati extuerint aut alium Judeum in eisdem suis domibus non locaverint extunc Censum illius anni per quem talis Judeus est absentatus iuxta ipsorum Jus solvere tenebuntur perfidus Byenyasch ex decreto prefati domini Canonici debet complere Censum retentinum quem non soluit dum de Warschovia capitali residencia se transfulit Circumspecto Theophil in 6 sexagenis sub p. L.

(פון „היסטאָרישע שריפטן”, איוואָ, באַנד 1, 1927)

פּראָפעסאָר ד״ר מאיר באַלאַבאַן

דער פּרוּוו צו גרינדן די ערשטע העברעיִשע דרוקעריי אין וואַרשע

אין דער צווייטער העלפט פונעם 18טן יאָרהונדערט, ווען דער חסידיזם האָט זיך שטאַרק פאַרשפּרייט, זענען אויף די מזרח־קאַנטן פון דער רעפּובליק, אין אַלעקסיניעץ, פּאָריצק, סלאַוואוטע א״א אַנטשטאַנען קלענערע דרוקערייען וועלכע ווירקן אַ געוויסע צייט און גיבן אַרויס פיל חסידישע און אַנדערע ספרים.

אין דער זעלבער צייט איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרואוו צו גרינדן אַ דרוקעריי אין וואַרשע. נאָך פון די צייטן פון די מאַזאָוויעצקער פירשטן האָט וואַרשע געהאַט די פּריווילעגיע אַז יידן איז נישט דערלויבט געווען דאָרט צו וואוינען. די וואַרשעווער שטאָטישע בירגער (מיעשטשאַנעם) האָבן שטאַרק אָפּגעהיט זייער פּריווילעגיע, און נאָר בשעת די סיימען — ווען עס זענען אָנגעפאָרן פיל פון דער שליאַכטע און פרעמדע סוחרים — איז אויך פאַר יידן געווען דערלויבט צו קומען און האַנדלען אין דער הויפּטשטאָט. נאָכן געענדיקטן סיים האָט דער טרומייטער פון מאַרשאַלעק אַרויסגערופן די יידן פון שטאָט. אָבער די יידן האָבן שטענדיק געפונען אַן עצה אַרומצוגיין דעם פאַרבאָט, און הינטער די ראָגאַטקעס פון שטאָט — ביי דער פּראָטעקציע פון די אייגנטימער פון די הינטערשטעטישע „יורידיקעס" — האָבן זיי געגרינדעט דאָס נייע ירושלים (נאָוואַ יעראָזאָלימאַ) און ניי־פאַטאָק, און דאָ האָבן זיי געפירט דעם האַנדל אין דער צייט צווישן איין סיים און דעם אַנדערן. אָבער די וואַרשעווער „מיעשטשאַנעם" האָבן נישט געוואָלט פאַרטראָגן די געפערלעכע קאָנקורענץ און זיך באַמיט אַרויסצוזעצן די יידן אויך פון די הינטערשטעטישע ישובים. זיי איז דאָס געלונגען אין יאָר 1776, און דאַן האָט מען אַרויסגעטריבן אַלע יידן פון די פאָרשטעט און זייערע קראָמען גלייכגעמאַכט מיט דער ערד.

אין יענער צייט פון דער „יידישער צעשטערונג" האָט זיך אָנגעהויבן די באַמיאונג צו גרינדן אַ יידישע דרוקעריי אין וואַרשע. דער האַנדלס־קאָמיסאַר פונעם קעניגלעכן הויף און דער ליוועראַנט פון דער קייזערלעכער מאָנעטן־פּאַלאַטע, לייזער איזאַקאָוויטש (בן יצחק) פון קראָטאָשין באַקומט פון סטאַניסלאַוו אויגוסט אַ פּריווילעגיע צו עפענען אַ העברעאישע דרוקעריי „אין זיין ירושה־אָרט גאַלאָנדזינאָוו אין פּראַגע ביי וואַרשע". דאָס איז געווען דערפאַר ווייל דער קעניג האָט איינגעזען „אַז די יידישע דרוקערייען זענען אַרונטערגעקומען" און אַז באַדייטנדיקע סומעס „גייען אַרויס יעדעס יאָר פון לאַנד קיין אויסלאַנד, צו ברענגען יידישע ביכער, סיי צו זייערע תפילות, סיי לוחות און אַנדערע, און היות ווי יידן אין קרוין־פּוילן און אין ליטע זענען נישט קיין קליינער טייל פון די איינוואוינער, און דורכן געברויך פון ביכער, וואָס געהערן צו זייער געבעט אין די געבעטהייזער, שילן און פּריוואַטע הייזער... זענען זיי געצוואונגען אין אויסלאַנד צו קויפן."

דער קעניג גיט איבער די מאַכט און השגחה אויף דער דאָזיקער דרוקעריי, דאָס רעכט צו ברענגען מענטשן, מאַשינען און מאַטעריאַלן, דעם זעלבן לייזער איזאַקאָוויטש און זיין איידעם יאָנאַס (יונה) יאַקובאָוויטש, און דערמיט „ווערן אָפּגעשאַפט די פּריווילעגיעס וואָס זענען דורך אים אָדער זיינע פאָרגענגער אַרויסגעגעבן געוואָרן אַלע אַנדערע יידישע דרוקערייען". די צוויי דערמאָנטע „פּריווילעגירטע" איז אויך דערלויבט צו ברענגען פון אויסלאַנד „תלמודישע ספרים" אויף אַזאַ אופן: „קודם כל זאָל ער אין יעדער שטאָט און שטעטל פון קרוין־פּוילן און ליטע פונאַנדערטיילן פריער צו איין באַנד פונעם דערמאָנטע ש״ס אויף פּרענומעראַטן, ד״ה אָפּנעמענדיק פאָרויס אַ העלפט פון דעם. וואָס אַלע עקזעמפּליאַרן פון תלמוד וועלן קאָסטן, און די צווייטע העלפט דאַן ווען דער גאַנצער תלמוד, וועלכער באַשטייט פון 12 בענדער, וועט צוגעשטעלט ווערן. צווייטנס: אַז אין גרעסערע שטעט זאָלן זיי אויספאַרקויפן די גרעסערע ש״סן... און אין די קליינע שטעט— די קלענערע ש״סן און דערביי נאָר צו איין עקזעמפּליאַר... דריטנס: אַז די שילן און פּריוואַטע מענטשן, וועלכע וועלן געבן געלט אויף דעם דאָזיקן תלמוד, זאָלן זיין זיכער אַז פאַר זייער געלט וועלן זיי באַשטימט באַקומען דאָס גאַנצע ווערק פון תלמוד, און דעריבער גיבן מיר צו די אויבן דערמאָנטע לייזער און יונה, אַלס גענעראַל־קאַסיר דעם באַרימטן אַדאַם זימאַן, אַ סוחר פון דער אַלטשטאָט וואַרשע. ביי זיינע אָנגעשטעלטע דאַרף זיך געפינען די קאַסע פון הכנסה און הוצאה, און אין זיין נאָמען וועלן די דאָזיקע אָנגעשטעלטע אַרויסגעבן אַ קוויט איטלעכער שטאָט אויף דעם באַקומענעם אַבאָנאַמענט־געלט און וועלן איר ערוב זיין. אַז דער גאַנצער תלמוד וועט באַשטימט צוגעשטעלט ווערן"...

האָבנדיק אין טאַש די קעניגלעכע פּריווילעגיע האָט לייזער קראָטאָשינער אָנגעהויבן זוכן שותפים. הגם ער איז געווען אַ קאָמיסאַנט אין ברעסלע אין משך פון 25 יאָר, האָט ער נישט געמאַכט קיין פאַרמעגן, און די אויסלענדישע בוכהענדלער אין אַמסטערדאַם, פראַנקפורט אא״וו האָבן געזוכט אַ מער זיכערן קונה ווי לייזער. ער האָט אַלזאָ אָנגעהויבן צו באַנוצן דעם גוט באַקאַנטן אַפּאַראַט פון באַקאַנטמאַכונגען אויף יאַרידן און מערק און האָט זיי צוגעגעבן „אַ פּונקט אויף שותפות, ווער עס וואָלט וועלן צוטרעטן צו אַ פּריווילעגיע, אַרויסגעגעבן אויף אַ דרוקעריי", ווייל אָבער עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דרוקן און פאַרשפּרייטן רעליגיעזע ספרים, האָט ער זיך באַמיט און באַקומען פון דריי דעמאָלט באַוואוסטע דיינים הסכמות, וועלכע ער האָט אויך געהייסן אויסרופן אין די שילן, בשעת די ירידן אין יאַראָסלאַוו, לובלין, קראָקע אא״וו.

די דאָזיקע הסכמה פון די רבנים — אַ מין מאָראַל־צייגעניש פאַרן „פּריווילעגירטן" — איז געווען געשריבן אויף לשון־קודש און איז אין דער זעלבער שפּראַך באַקאַנט געמאַכט געוואָרן צווישן יידן, אָבער צו די קאָנצעסיע־אַקטן איז ביינגעלייגט געוואָרן אַ פּוילישע איבערזעצונג וועלכע איז זייער כאַראַקטעריסטיש און אינטערעסאַנט. דאָרט ווערט געזאָגט:

„צו אַלער ערשט גיבן מיר אַ לויב אַזוי דעם דורכלויכטיקסטן קעניג אויף דר'ערד געזען, ווי דעם אַלער העכסטן קעניג אויפן הימל, לויט אונדזער אמונה! הערט יידן, און קוקט זיך צו. היינטיקן טאָג האָבן אונדזערע אויגן געזען וואונדער וואָס גאָטס חסד האָט אונדז באַוויזן צו אונדזער גוטס, אַז זיין האַנט נייגט זיך צו אונדז שטענדיק, ווי באַשטימט פונעם רבונו של עולם. הגם מיר וועלן זיין אין קנעכטשאַפט, וועט ער דאָך אַריינגעבן אין האַרץ פונעם מלך, מיר זאָלן האָבן פון אים חסדים, ווי מיר זעען איצט די גנעדיקע האַנט פונעם דורכלויכטיקסטן קעניג פון גאַנץ קרוין־פּוילן און ליטע, דעם פעסטן, באַרעמהאַרציקן, זיין שטול זאָל דערהויבן ווערן איבער אַלעמען און זאָל לייכטן ווי די זון לעולם ועד, אַזוי אַז זיין באַפעל זאָל זיין איבער אַלע גלויבנס, און די פיינד זאָלן פאַלן פאַר זיינע פיס, עס זאָל זיין פרידן פאַר זיין קעניגרייך, און זיינע קינדער זאָלן אויך האָבן די מלוכה מיט די נעהיימע מיניסטאָרן, זיין ליבער נאָמען זאָל אים געבן רחמנות אוף אונדז יידן, און מיר אַלע אונטער זיינע פליגלען, מיר זאָלן זיין אין פרידן, און אַלץ, וואָס גאָט וועט אַריינגעבן אין זיין האַרצן, זאָל דערפילט ווערן אָן שום ענדערונג, אין דער געגעבענער פּריווילעגיע פונעם דורכלויכטיקסטן קעניג אויפצושטעלן אַ יידישע דרוקעריי, כדי צו דרוקן לוחות, תלמוד

און פאַרשידענע אַנדערע ספרים, וואָס קומען צו יעדעס יאָר אין אונדזערע למודים וועלכע זענען פריער געדרוקט געוואָרן אין קראָקע, אין לובלין, נאָר צוליב די שווערע צייטן, חרוב געוואָרענע, גלייך ווי זיי וואָלטן קיין מאָל נישט געוועזן און קיין צייכן פון זיי איז נישט געבליבן נאָר מען באַדאַרף זוכן אין פרעמדע לענדער און פאַר אונדזער געלט דאָרט דרוקן. און איצט האָבן מיר געזען, נישט בלויז געהערט, די פּריווילעגיע פונעם דורכלויכטיקסטן קעניג, אונדזער גנעדיקסטן האַר, אין די הענט פונעם געטרייען אליעזר יצחק, וועלכער האָט דורך 25 יאָר אויך געהאַט אַ פּריווילעגיע פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט צו זיין דער קאָמיסאַנט אויף אַלע סחורות אין ברעסלע; אויף וואָס ער האָט דאָקומענטן פון אַלע פּוילישע סוחרים, גאָט זאָל אים אָפּהיטן אויך צו דער דאָזיקער טעטיקייט. די דרוקעריי וואָס איז פאַרשפּראָכן געוואָרן אויף גאָלאַנדזינאָוו, באַשטימט אויף די יעניקע מקומות וועלכע מען קאָן מיט דאָקומענטן און ערלעך אויסווייזן, ווי עס ווערט געזאָגט אין דער פּריווילעגיע. דערויף באַדאַרפן מיר געבן אַ שבח צו גאָט, וואָס ער האָט גענויגט דאָס האַרץ פון דורכלויכטיקסטן מלך אונדזער גנעדיקן האַר, און אונדזערע ספרים צו אומקערן, באַנייען האָט ער באַוויליקט דורך זיין גנעדיקן באַפעל, און מיר, די אונטערגעשריבענע, באַשטעטיקן מיר לויט אונדזער דת און מיט אַ שבועה אַז קיינער זאָל זיך נישט אונטערשטעלן צו דרוקן ספרים אויף זייער נאָמען, אַז קיינער זאָל אים נישט שטערן אין דעם וואָס ער זאָל דרוקן . . . זייער דרוקעריי וועט אויסווירקן אַז עס זאָלן נישט קומען קיין פרעמדע מענטשן פון אויסלאַנד, צו טון זיי אַן אומרעכט . . . נעמענדיק דאָס אין אַכט, ווי עס האָבן גענומען אויך אונדזערע אבות אבותינו די רבנים אַרויפלייגנדיק אַ קללה אויף די וואָס שטערן איינע די אַנדערע, לייגן מיר אויך אַרויף אַ חרם אויף אַזעלכע מענטשן, וואָס שטערן אויפצושטעלן אַ דרוקעריי פון יידישע ספרים אויף 10 יאָר. דערויף גיבן מיר אַ לויב און אַ שבועה און אַ ברכה אַז די מלוכה זאָל וואַקסן און לייכטן ווי די העלסטע שטערן אין הימל, און אַן עצה דעם, וואָס ער וועט אויסטראַכטן, אַז גאָט דער האַר זאָל העלפן אַלץ צום גוטן דעם דורכלויכטיקסטן קעניג, אַז זיין שטול זאָל דערהויבן ווערן, ווי דער אויפגאַנג פון דער זון.

העשיל, רב אין ריטשעוואָל
יפה (יאַפּעט), רב אין נאָוועמיאַסטאָ
לוי (לעוועק), רב פון זשערעבקי".

איינע פון די ערשטע העברעישע אויסגאַבעס אין וואַרשע


ליהודים היתה אורה
חיבור
אור חדש
ליואי ברבי בצלאל זלה"ה בעל המחבר גור אריה
לפרט ה' רתקנ"ח לפ"ק
in Typograpia Priwilegiata Petri Zawadzki
Var/ewie 1798 anno
ושמחה וששון ויקר

דאָס שער־בלאַט פון „אור חדש“, אַ פּירוש אויף דער מגילה, פון ר' יהודה ליוואי (דער מהר"ל פון פּראַג), אַרויס אין וואַרשע אין 1798, געדרוקט אין אַ קריסטלעכער דרוקעריי, איינס פון די ערשטע ספרים וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין וואַרשע. דאָס ספר געפינט זיך אין דער ניו-יאָרקער ייוואָ-ביבליאָטעק.


הצפירה
HAZEFIRAH.
מכתב עתי משמיע חדשות
בקרב עם ישרון, מכל הדברים והענינים בעניני המדינות
דברי חכמה ומדע, ידיעת העולם והטבע.
דברי הימים

דער ערשטער נומער „הצפירה“ געדרוקט אין וואַרשע

נישט פיל האָבן געהאָלפן די הסכמות פון די רבנים און די פאַרעפנטלעכונגען פון די פּונקטן אין דער פּריווילעגיע אויף די ירידן און אין די שילן. קיין שותף האָט זיך נישט געפונען. ווי עס שיינט, האָט די צעשטערונג פון „נאָוואַ יעראָזאָלימאַ“ און „נאָווי פּאַטאָק“ אָפּגעשראָקן די קאַפּיטאַליסטן אַריינצולייגן געלט אין אַזאַ נישט־זיכערער אונטערנעמונג. דער „פּריווילעגירטער“ טרייער לייזער קראָטאָשינער האָט זיך געוואָרפן און געזוכט פאַרשידענע מיטלען און איינפאַלן, אָבער אומזיסט. גאַנצע דריי יאָר נאָכן באַקומען די פּריווילעגיע איז ער נאָך אַלץ נישט צוגעטראָטן צום עסק, נאָר געזוכט אַ שותף און צוגלייך די פּראָטעקציע פון פאַרשידענע שררות, כדי צו באַקומען אַ צוטריט צום קעניגלעכן הויף. די געפּלאַנטע דרוקעריי איז נישט געגרינדעט געוואָרן און די קעניגלעכע פּריווילעגיע איז געבליבן אַ טויטער בוכשטאַב, אַן אַקט פאַרן אַרכיוו, אַ צייגעניש פון אַ גוטן רצון, ווי עס זענען געווען פיל אין יענער צייט אין פּוילן נאָך דער ערשטער צעטיילונג.

ערשט נאָך דער דריטער צעטיילונג פון פּוילן, און נאָך דעם ווי וואַרשע איז פאַרנומען געוואָרן דורך די פּרייסן, הייבט אָן דאָרט דרוקן העברעאישע ספרים פּיאָטר זאַוואַדזקי, און נאָך זיין גיכן טויט — זיין אַלמנה מאַדאַם זאַוואַדזקאַ (1800).

(אַרויסגענומען פון דער יובילײ־אויסגאַבע פון „מאָמענט“ 1921)

* * *

נחום סאָקאָלאָוו

אלט ווארשע

פראַגע! ערב וואַרשע! אַ ריח פון פראָווינץ, מיט ווייטע פעלדער אַרום און אַרום, אַ סך מאָל חרוב געוואָרן דורך מלחמות און שריפות, און צוריק אויפגעבויט. סימנים פון אָקאָפעס, אַ שלאַכטפעלד און אַן אָקסן־מאַרק, צו גרויס פאַר אַ פאָרשטאָט און צו קליין פאַר אַן אייגענעם אָפגעזונדערטן גוף. אַ טויער קיין וואַרשע, אָבער פאַר אונדז יידן אַן עלטערע קהילה, זיך צוזאַמענגעקוועטשט, — דאָרט וואו די אַלטע שול האָט זיך באַהאַלטן און דער אַלטער בית־עולם האָט זיך פאַרגראָבן — מיט גרויסע קראָמען און קליינע־קליינטשיקע געוועלבעלעך, און וואו מען האָט געהאַט „פראַוואָ" צו וואוינען ווען מען האָט נאָך נישט געהאַט קיין „פראַוואָ" אין וואַרשע גופא, חוץ מיט פריווילעגיעס, און אויף ירידים, און נאָר אין געוויסע גאַסן, ווי למשל אין דויטש ביי קעלן, און נאָך אַ סך פאָרשטעט ביי גרויסע שטעט, אַ שטייגער ווי: התקן עצמך בפרוזדור, כדי שתכנס לטרקלין. געוואַרט דאָס ביסל יידן אין קאָרידאָר, און דערווייל דאָרט געכאַפט קלעפ...

און פאָרסטו פון וואַרשע קיין סראָצק, נאַשעלסק, פולטוסק, ווי איך פלעג צו פאָרן מיט אַ בעל־עגלה איבער דער אַלטער בריק, איבער פראַגע געברוקעוועט מיט אַלטע שטיינער, און טרייסלענדיק די געדערים, און וועט דאָס ביידל בלייבן שטיין אַ ווייל ביי אַ גרויסן זאַיאַזד מיט שפייכלערס, מיט אַ ברייטער קרעטשמע, מיט געמויערטע אַלטע האַלב־דאָרפישע האַלב־שטעטישע כאַלופעס, אין וועלכע עס וואוינען האַלבע פויערים אין קאַפעלושן, שוין געכאַפט אין וואַרשע, און וואו מיין אַלטער פריינד לייבקע דער קאָוואַל פלעגט זיצן דרויסן פאַר דער שמידעריי און קאָוועןן חנהס „לייבן" און די פונקען האָבן געשפריצט אויף דער שטענדיקער בלאָטע, און אַרום זענען געשטאַנען די קליינע יאַנעקס און מאַרישעס מיט די פלאַקסענע האָר — ביסטו אין שמולעוויזנע!

אויב די ביסט כאָטש אַ שטיקל וואַרשעווער, וועסטו דאָך וויסן וואָס דאָס באַדייט שמולעוויזנע. אַ חוץ שמולעוויזנע איז פאַראַן נאָך אַן אָרט אין וואַרשע גופא, וואָס האָט אַ שייכות צו ר' שמואל זביטקעווערס קינדער: דער גאָרטן באַגאַטעלאַ צווישן די לאַזשענקעס און דער מאָקאָטאָווער ראָגאַטקע. דער דאָזיקער גאָרטן איז געווען אַ טייל פון אַ מאַיאָנטעק מיט אַ שיינעם הויף און האָט געהערט — אַרום סוף 18טן יאָרהונדערט — צו ר' בערל ר' שמואלס. דער נאָמען „באַגאַטעלאַ" זאָל שטאַמען פון אַן אויסדרוק וואָס טעמערל זאָל האָבן באַנוצט. אַ מאָל זאָל סטאַניסלאַוו אויגוסט פאָניאַטאָווסקי, דער לעצטער פוילישער קעניג, האָבן געמאַכט אַ באַזוך אין דעם מאַיאָנטעק — מיט זיין סוויטע — און טעמערל האָט אים דאָרט אויפגענומען מיט גרויס פאַראַד. דער גאָרטן מיטן טייך אין דעם וועלדל האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף די באַזוכער. טעמערל, באַמערקנדיק אַז דעם קעניג איז דאָס פאָלוואַרק אַזוי געפעלן, האָט געגעבן אַן אָנצוהערעניש אַז זי וואָלט דאָס געהאַלטן פאַר אַ גרויסער זכיה דעם קעניג אָנצובאָטן די דאָזיקע „פאָשיאַדלאָסטש". דערויף האָט דער קעניג געענטפערט: ניין! דאָס איז אַ צו טייערע מתנה! אויף דעם זאָל טעמערל האָבן געענטפערט: קעניגלעכע מאַיעסטעט! דאָס איז אַ באַגאַטעלאַ! פון דעמאָלט אָן — אַזוי ווערט דערציילט — הייסט יענער גאָרטן: באַגאַטעלאַ. איך האָב דעם אַנעקדאָט אָפט געהערט פון מיין פריינד שמואל בערגסאָן. אויב עס איז פאַראַן אַ היסטאָרישער קערן אין דער דערציילונג, מוז זיך דאָס באַציען צו ר' בערלס און טעמערלס פריערע יוגנט.

שמולעוויזנע האָט געהערט צו ר' שמואל זביטקעווער, ר' יעקבס אַ זון. דערפאַר האָט מען אים גערופן יאַקובאָוויטש — געקומען פון זביטקעוו קיין פראַגע, געהאַנדלט מיט צעלניק, מיט שניט־סחורה, דערנאָך געוואָרן אַ תבואה־הענדלער, געלאָדן קאָרן אויף דער ווייסל קיין דאַנציק, באַרייכערט זיך אַליין און די שכנים, געקויפט וועלדער, אויפגעשטעלט טאַרטאַקעס, טראַנספאָרטירט האָלץ אויף טראַטוועס, געבויט הייזער, געקויפט מאַיאָנטקעס, באַשעפטיקט אַ מאַסע מענטשן — אַ מין מאיר אַנשל ראָטשילד — אין פראַגע. ער האָט אויך געהאַט „זיין" ווילהעלם דעם ניינטן, לאַנדגראַף פון „העססען־קאַססעל". דאָס איז געווען פרידריך ווילהעלם, קעניג פון פרייסן, וואָס האָט אים געגעבן אַ „פריווילעגיע צו וואוינען אין וואַרשע, אין דרום־פרייסן, אין שלעזיע און נאָך אַנדערע מקומות", מן הסתם צוליב געשעפטן, וואו פרייסן האָט אויך אָפגעלעקט אַ ביינדל. אין אויסלאַנד האָט מען אַזאַ מין יחוס גערופן „האָף־יודע", „האָף־באַנקיר" — אין פוילן, בפרט אין יענעם דור, האָט דאָס געהייסן פשוט אַ פריווילעגיע. ר' שמואל, אַ ייד מיט באָרד און פאות, אין אַ זיידענער יופעצע מיט אַ גאַרטל, שטאַרק פאַרנומען מיט געשעפטן און מיט קהילה־זאַכן אין פראַגע, פיל יידן געגעבן פרנסה, אַ כל־ולך ביי דער מלוכה, וואָס האָט זיך דעמאָלט געענדערט, אַ ביסל אַריינגעוויקלט אין דער נעץ פון יענע היסטאָרישע דראַמעס, האָט זיך באַנוגנט דערמיט וואָס יידן האָבן אים ליב געהאַט. „גבאים זענען געווען סאַרווערס אויף זיינע שמחות" — האָב איך אַלס קינד געהערט פון מיין זיידנס אַ תלמיד, ר' אַברהמל אין פראַגע.



ר' שמואל זביטקעווער
און זיין ווייב יהודית

פון דעסט וועגן וואָלטן מיר אַזוי געוואוסט פון אַ ר' שמואל זביטקעווער, ווי מיר וויסן פון אַנדערע טויזנטער גבירים וואָס האָבן געהאַט פריווילעגיעס, דאָס הייסט מיר וואָלטן אפילו דעם נאָמען נישט געוואוסט. אויב מיר וויסן על כל פנים עפעס פון דעם דאָזיקן ר' שמואל, איז דאָס מכוח דער באַקאַנטער לעגענדע, וואָס יעדעס יידיש קינד אין וואַרשע ווייס, וועגן די צוויי פעסלעך גאָלד וואָס ר' שמואל האָט אַרויסגעשטעלט אין זיין הויף אין פראַגע, אין יאָר 1794, בשעת סואוואָראָוו האָט איינגענומען די שטאָט: אַ דוקאַט פאַר אַ לעבעדיקן יידן, אַ רובל פאַר אַ בר־מינן, און די קאָזאַקן האָבן גענומען ברענגען סחורה — באַלד געבליבן צוויי ליידיקע פעסלעך.

אַ לעגענדע? וואָס איז פדיון־שבוים? וואָס איז מת־מצוה? נישט פעסלעך גאָלד — דעם לעצטן טראָפן בלוט האָבן זיך יידן אויסגעפרעסט צו ראַטעווען אַ ברודער פון אַ גזירה, צו ברענגען אַ יידישן בר־מינן לקבר־ישראל! אַ געוויינלעכע זאַך! פאָניע האָט פאַרכאַפט

פּראַגע! אַ הוראַגאַן פון רציחות! די קאָזאַצקע נאַגייקעס האָבן זיך צעבושעוועט, יידיש בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער, די משוגנע בעסטיע האָט מען געקענט איינשטילן נאָר מיט איין מיטל — האָט ר' שמואל מפקיר געווען זיין גאָלד און מציל געווען אַ היפּש ביסל יידן. אויף וואָס זענען דען יידן יידן? אַנדערש וואָלטן מיר נישט ווערט געווען אַז די ערד זאָל אונדז טראָגן.

פאַראַן אַ מין מאַיעסטעט, וואָס ווען זי באַווייזט זיך, ווערט דער עולם רואיק. איר נאָמען איז: גוטסקייט. אָפט מאָל, אַרומקוקנדיק זיך אין נאַציאָנאַלער אָדער כלל־מענטשלעכער האָרעוואַניע און אין די גרויסע אויפטוען, האָבן מיר פיל התפעלות, און גרויס כבוד פילן מיר. אָבער פון ערגעץ וואַו פאַלט אויף אונדזער געפיל אַ שאָטן פון אומרואיקייט און דערוואַרטונג. מיר וואַרטן אויף נאָך עפּעס, ווי דאָס פּובליקום אין אַ טעאַטער וואָס איז געקומען צוליב דעם עיקר — קונסט, — אָבער מען ווייזט אים אַנדערע זאַכן, אויך נישקשה, אָבער נישט דאָס. עס פאַרלאַנגט דעם קלו! אַ גאַלעריע — ווידער אַ פעאיקער מענטש, אַ טאַלאַנט, אַ גרעסערער, אַ קלענערער, אַ זשעניע, אַזאַ מין, אַן אַנדער מין — אַלץ זייער שיין, אָבער דאָס בילד ווערט ערשט אמת ליכטיק, וואַרעם און האַרציק ווען עס באַווייזט זיך, למשל, אַ ר' נחומקע גראָדנער, וואָס גייט ביי נאַכט מיט דער לאַמטער אין אַ קנאַקעדיקן פראָסט, נאָך אַ תענית, און פאַלט האַלב־חלשות, געפּאַטשט פון דעם שניישטורעם, און טראָגט אַן אויסגעבעטלטע נדבה פאַר אַן אָרעמען חולה — און נאָך אַזעלכע ר' נחומקעס ווערט אונדז לייכטער אויפן האַרץ: אָט, דאָס האָט נאָך געפעלט, און ווען דאָס באַווייזט זיך, זענען מיר רואיק.

ר' בער שמולעוויטש־זאַנענבערג,
זון פון ר' שמואל זביטקעווער

אַזוי גייט די אמתע יידישע ירושה. ר' בער ר' שמואלס, באַקאַנט אַלס בערעק, איז שוין מער וואַרשע ווי פּראַגע, געב' 1764 — ביי דער פּראַגער שחיטה איז ער שוין אַ דרייסיקיעריקער — דעם טאַטנס ירושה פאַרגרעסערט, אַ גרויסער גביר מיט געשעפטן, אויך געזעסן און געלערנט. 1810 קריגט ער אַ פּריווילעגיע פון נאַמיעסטניק גענעראַל זאַיאָנטשעק אומעטום צו וואוינען, צו טראָגן יידישע קליידער, און נישט געצוואונגען זיך צו ראַזירן. זאַיאָנטשעק, אַן אַלטער גענעראַל פון קאָשציושקאָס צייט, שפּעטער פון דער נאַפּאָלעאָנישער אַרמיי, שוין אַ ביסל נחמץ מיט אויסלענדישער פרייהייטס־אַפּיקורסות, אַ פריינד פון דער בערעק־פאַמיליע, איז גרייט אַלץ צו דערלויבן, אָבער ער מוז די זאַך פאַרשטעלן דעם קייזער אַליין — אַ קלייניקייט אַזאַ פּריווילעגיע! — און אַלעקסאַנדער דער ערשטער באַגרענעצט די פּריווילעגיע דורך אַ בפירושן באַדינג אַז נאָר בערעק אַליין, און נאָך אים נאָר זיין עלטסטער זון, זאָל ווערן אַזוי געלייטזעליקט.

אַ וואַזשנער ייד געווען, מיט לייב און לעבן, געגעבן ספרי־תורות אין אַלע שילן אַריין, כל ימו חתן־תורה. אַ גרויסער דעה ביי קהל, דאָך וואָלט קיין האָן נישט נאָך אים געקרייט. קנאַפּ האָבן מיר געהאַט שיינע יידן, גבירים, אָנגעזאַפּט מיט תורה! בערעק וואָלט געווען אַ פאַרגעסענער ווען נישט זיין ווייב טעמערל. טעמערל! אויב דו ביסט כאָטש אַ שטיקל וואַרשעווער, קענסטו דאָך דאָס שפּריכווערטל: „טעמערל איז רייכער געווען!”.

די שיינהייט פון אַ בלום, די צניעות פון אַ טויב, אַ נשמה מיט גאָלדענע פליגלען, און פרוכטבאַר ווי אין אַן איילבירט. דריי זין: יעקב, מיכאל, לייב (לעאָפּאָלד) — דאַכט זיך נאָך אַ פערטער, אָבער איך געדענק נישט זיין נאָמען — און אַ בת־יחידה: פּערל־מירל. טעמערל איז אַ מין מאַמע רחל אין דער וואַרשעווער יידישער לעגענדע. מען רעדט ווייניק פון בערעקן: בערעק איז געווען טעמערלס מאַן.

דאָס אַליין איז גענוג. איבערגעלאָזט פינף מיליאָן גולדן, ס'רוב אויף צדקה אא"וו.

דאָס אַליין זע איך פאַר מיר, ווי היינט, אָבער נאָך קלאָרער זע איך די פאָרזעצונג. פון דאַנען אָן בין איך שוין אין גאַנצן אין דער היים. חברים אַלטע וואַרשעווער! ווער פון אייך האָט נישט געקענט פּערל־מירל, טעמערלס טאָכטער? ווער האָט זי נישט אַ מאָל געטראָפן אַרום נאָוואָליפּקי, דזשעלנע, פּאַוויע, דזשיקע, ווען זי פלעגט גיין צו באַזוך צו דער פאַרשטאָרבענער מאַריאַ בלומבערג, צו מאַדאַם שרה סלאָנימסקי, אָדער צו אונדז, ווען די „הצפירה” איז נאָך געווען אַ וואָכנבלאַט אויף דזשיקע? אָרעם — און פון אַלע יענע מיליאָנען און אייביקע פאָנדן האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם!! — אָבער ווי אַ קעניגין אַלמנה אין איר האַרבאַנד מיט די טונקלבלויע סטענגעס, אין דעם טערקישן שאַל ווי אַן אַנטיקער גאָבעלין. אַ גאַנג ווי אין אַ פייערלעכער פּראָצעסיע, אָבער גאַנץ נאַטירלעך. אַ יאָרהונדערט איז זיך געגאַנגען פון נאָוואָליפּקי איבער דזשיקע, אַ יאָרהונדערט פון אַלטן חן, פון טואַלעטן־שיינהייט און פון חכמה. איר האָט זי געזאָלט הערן רעדן יידיש! איר וואָלט פאַרהאַלטן דעם אָטעם, נישט צו פאַרלירן אַ האַלב וואָרט. נאָר צוויי מענטשן האָבן אַזוי גערעדט יידיש: פּערל־מירל און מיין באָבע יוטאַ עליה השלום פון פּלאָצק. דערציילן האָט זי געקאָנט! פון דער ערשטער פּאָווסטאַניע, פון קאָנסטאַנטין, פון פּאַסקעוויטש, פון 1864, פון ר' בעריש מייזעלס, פון מאַטיאַס ראָזען, פון קראַשעווסקי אַלס רעדאַקטאָר ביי דער „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ” און ביי קראָנענבערגן. דאָס זענען געווען מענטשן מיט אַ גורל, מיט וואונדערלעכע טראַדיציעס. זיי האָבן זיך געפילט ווי יורשים פון יענע העלדן פון וועלכע זיי האָבן דערציילט. צוהערנדיק זיך צו אירע ווערטער, האָב איך געמוזט די אויגן אַראָפּלאָזן, געצוואונגען פון אַן אינערלעכן ערע־געפיל. אָט, דאָס איז געווען אמת־יידיש, אָט דאָס איז געווען אַן אמתע „מירעלע אפרת”, נישט אויף דער סצענע, נאָר אין לעבן, אין אמת.



טעמערל, פרוי פון בער שמולעוויטש־זאַנענבערג,
די פּראָטעקטאָרין פון חסידות

איר ערשטער מאַן איז געווען אַ יחסן און אַ גרויסער למדן, ר׳ ישכר הורוויץ. דער פאָטער פון אונדזער ישכר בעריש הלוי איש הורוויץ. ישכר בעריש פאַרנעמט אַ פּלאַץ צווישן די אַלטע משכּילים און די שטרענגע מדקדקים, מליצים און פּאָעטן. איר האָט אים אַלע געקענט — אַ וואונדערלעכע קאָמבינאַציע: בערעקס אַן אייניקל, פּוילן שבפּוילן, און אַליין אַ ליטוואַק, אַ גראָדנער, פון אַ מיליאָנערישער פאַמיליע און כמעט גאַנץ אָרעם. אַ מאָל אַ מענטש מיט געשעפטן, אָבער כּל ימיו אַ פּאָעט, פלעגט באַזינגען דעם „המגיד”, און האָט אויך געשריבן אויסגעצייכנטע ריין העברעישע איבערזעצונגען און גוטע אַפאָריזמען אין סטיל פון אדם הכהן און שטיינבערג. פיל יאָרן איז ער ביי מיר געווען אַ בן־בית. אויף דער עלטער האָט ער נישט ווייניק געליטן. זיין גרעסטע דאגה, וואָס האָט אים מקצר־ימים געווען, איז געווען ווען חברה האָט אָנגעהויבן שרייבן העברעיש פריי. נישט ווילנדיק האָב איך אים נעבעך גורם געווען דעם גרעסטן שברות־הלב, ווען איך האָב אַליין אָנגעהויבן צו מאָדערניזירן דעם אַקאַדעמישן מליצה־סטיל. פריער איז ער געווען איינער פון מיינע פייערדיקסטע חסידים. דער נייער קורס האָט אונדז אַ ביסל דערווייטערט. אַ ביסל, ווייל אין תוך אַריין זענען מיר געבליבן ידידים, און איך דערמאָן אים מיט כבוד און ליבשאַפט. פיל, פיל איז צו שרייבן איבער ישכר בעריש הלוי איש הורוויץ, דאָ ברענג איך אים נאָר אַלס אַ בערגסאָן, פון דער מוטערס צד — אַ מערקווירדיקער גלגול פון ר׳ שמואלן.

דער נאָמען בערגסאָן, ריכטיקער בערעקסאָן, האָט זיך אָנגעהויבן נאָך ר׳ בער ר׳ שמואלס. איך האָב פריער דערמאָנט ר׳ בערס זין: יעקב, לעאָפּאָלד און מיכאַל. פון יעקבן און לעאָפּאָלדן האָב איך געהערט פיל מעשיות — די בעסטע פון פּערל־מירל, מער ליטעראַריש אָבער ווייניקער אָריגינעל פון ישכר בעריש. יעקב איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה, אַ בר־אורן, אַ שטילער באַהאַלטענער מענטש — מיכאלן האָב איך געקענט (פאַרשטייט זיך אַז איך מיין נישט מיכאַלן דעם פּרעזידענט פון זאַשאָנד גמיני, וועלכן מיר אַלע האָבן געקענט) ווען ער איז געווען אַ בן־שמונים. ער איז אַ גאַנצע הילכתא פאַר זיך. געבוירן אין 1818 אין וואַרשע. 1825 האָבן אַלע ברידער געקראָגן אַ פּריווילעגיע „צו וואוינען וואו זיי ווילן און זיך צו קליידן ווי יידן”. מיכאַל איז אַלזאָ אין זיין פריער יוגנט, אויך געגאַנגען אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אָבער ער איז געוואַקסן אַ מוזיקער! פון דער פּריווילעגיע, פון דער קאַפּאָטע און פון דעם פאַרמעגן איז ער — ווי פּערל־מירל פלעגט זאָגן — אַנטלאָפן צו די כּלי־זמרים, און פאַרליבט האָט ער זיך אין יענעם געניאַלן קלעזמער וועלכער האָט געהייסן שאָפּען, אין יענער זיסער פאַרחלומטער מוזיק אין וועלכער די נשמה פון פּוילן זינגט די האַרמאָניעס פון אירע יסורים און אירע האָפענונגען. טעמערלס זון איז געווען אַ פּיאָנער פון יענעם גאונישן זון פון אַ פראַנצויזישן פאָטער און אַ פּוילישער מוטער אין וועלכן מוטערס צד האָט גובר געווען. דערצו איז נאָך וואַרשע נישט מסוגל געווען. און אַזוי איז מיכאַל בר׳ בער אַרויס קיין אויסלאַנד! אָט דער וואַרשעווער יונגער־מאַן, אַן אייניקל פון ר׳ שמואל מיט די צוויי פעסלעך גאָלד און דער רייכער צדיקת טעמערלס אַ זון, פּערל־מירלס אַ ליבלעכער ברודער, אונדזער ישכר בערישעס דעם העברעאישן מליצ׳ס אַ פעטער, איז געווען דער ערשטער וואָס האָט פּאָפּולאַריזירט שאָפּענען אין אייראָפּע. אַליין אַ פּיאַניסט און אַ קאָמפּאָזיטאָר מיטן טוי פון דער יוגנט אויפן שטערן, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט קיין פראַנקרייך, קיין איטאַליע, בעלגיע, ענגלאַנד מיט שאָפּענס מוזיק פון אַן אַנדערער וועלט, טיף און ווייך, תהילים און פּוילישע האַרפעס, גרינע זאַנגען פון פּוילנס פעלדער, פּאָעזיע פון געפאַנגענע העלדן, בענקעניש פון פּוילישע עמיגראַנטן, בליענדיקע הימנען, מוזיק פון בלומען און פון נשמות, סודות פון שטימונגען. דער זיידע האָט געשאָטן מיט רענדלעך אויסצולייזן די יידן אין פּראַגע, די מאַמע האָט באַקרוינט און באַשיינט די שילן אין וואַרשע, די שוועסטער האָט חתונה געהאַט מיט אַ גרויסן ליטווישן למדן, איר זון שרייבט שירים מיט אַזוי פיל און אַזוי פיל „יתדות” און „תנועות” — און ער פירט אַריין זביטקעוו מיט שאָפּען אין דער וועלטמוזיק. אַרומגערייזט, זיך געפּאָרעט, און זיך דערשפּילט ביז דירעקטאָר פון בריסעלער קאָנסערוואַטאָריום, וואו ער האָט געאַרבעט פיל יאָרן, פון דאָרט קיין פראַנקרייך, איטאַליע, ענגלאַנד, אויסגעצייכנט אַלס ווירטואָז, נאָך פיל מער אַלס קאָמפּאָזיטאָר, געשריבן צוויי גרויסע אָפּערעס („לואיזאַ דע מאָנטור”, „סאַלוואַטאָר ראָזאַ”) אַ מאַסע עטיודן, לידער, הימנען, מאַרשן, זיך באַפריינדעט מיט די גאונים פון דער מוזיקוועלט אין זיין גאַנצן דור, אויף דער עלטער זיך באַזעצט אין לאָנדאָן — זיין ווייב איז געווען אַן ענגלישע יידישע טאָכטער, ד״ר י. ל. לעווינזאָנס צווייטע טאָכטער, און אַ הויז האָט ער געהאַט אין לאָנדאָן, שעפערדסבוש — און דאָרט האָב איך מיך באַקאַנט מיט אים אין יאָר 1896.

ער האָט געבענקט נאָך וואַרשע, און האָט געפרעגט ווי עס זעט אויס אויפן מקום און אונטער די פיליאַרן און פאַרן אייזערנעם טויער און אויפן שילעץ. פּויליש האָט ער גערעדט אין אַ הויכן סטיל, אָבער מיט גראַמאַטיקאַלישע פעלערן און מיט אַ פראַנצויזישן אַקצענט, אַ ביסל יידיש מיט אַ וואַרשעווער „ריש”, האַלב רייש האַלב חית, אַ קינסטלער־אַריסטאָקראַט ביז צו די נעגל, און ווען ער האָט גערעדט פון שאָפּען איז ער געוואָרן יונג, און די באַקן האָבן געגליט, און די באַגייסטערטע, יידישע, פּויליש־יידישע אויגן האָבן געברענט ווי פייערדיקע קוילן. איך האָב אים דערציילט און דערציילט פון וואַרשע, בפרט האָט ער זיך אינטערעסירט וועגן דעם דאָם סטאַרצאָוו (מושב זקנים) אויף וואָליע, וואו זיין ברודערן־זון מיכאַל —אונדזער „פּרעזעס”— האָט געפירט זיין הערלעכע ממשלה מיט אַזוי פיל התמדה, און וועגן די וואַרשטאַטן וואו דער אַנדערער ברודערן־זון שמואל (סאַמועל) איז געווען „פּרעזעס” אין דעם קאָמיטעט וואָס האָט געהאַט זיינע פאַרזאַמלונגען אויף דלוגע־גאַס, ביי דער „סטאָוואַזשישעניע סוביעקטאָוו האַנדלאָוויך וויזנאַניאַ מאָיזשעשאָוועגאָ” (פאַרבאַנד פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע פון משהס גלויבן) וואו איך האָב מיך באַטייליקט עטלעכע יאָר.

אין 1898 איז ער געשטאָרבן, שטילערהייט, כמעט ווי איינגעשלאָפן, אין זיין הייזקע אין לאָנדאָן, שעפערדסבוש. אַ טאָג פריער — האָבן מיר באַקאַנטע דערציילט — האָט ער נאָך געשפּילט שאָפּענס „נאָקטורן”. די פרוי, קעט האָט זי געהייסן, האָט אים איבערגעלעבט.

אין 1900 בין איך ווידער געווען אין לאָנדאָן אויף אַ קאָנגרעס. פון סעסיל־האָטעל אויפן סטרענד בין איך געפאָרן אין „הענס” צו „קווינס האָל”. דורכפאָרנדיק אָקספאָרד־סטריט אין מיין „הענס” בין איך פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ קאָנגעסטיאָן אין דעם פאַרקער. פּלוצעם — וועמען זע איך? אונדזער מיכאַל בערגסאָן, אונדזער שפּעטערדיקער פּרעזעס, מיין אַלטער גוטער באַקאַנטער. פּאַניע מיכאַליע! — אַ שמחה. — וואָס מאַכט איר דאָ? — פרעגט ער מיך. — ס׳טייטש, ציוניסטן־קאָנגרעס! היתכן, איר ווייסט גאָר נישט אַז דאָ איז אַ ציוניסטן־קאָנגרעס? — ענטפער איך אים מיט אַ טאָן פון פּרעטענזיע. — טאַק, זאָגט ער אַ ביסל אונטער דער נאָז — צאָש סלישאַלעם (כ׳האָב עפּעס געהערט), און איר? — פרעג איך אים צוריק. — איך באַזוך מיין משפּחה, די טאַנטע קעט.

ער איז נישט געווען קיין שמואל זביטקעווער און קיין בערעק, אָבער אַן אָרנטלעכער, גרינטלעך אָרנטלעכער מאַן, און אַ מתמיד אין קהל־זאַכן, וואָס די וועלט פאַרמאָגט עס נישט. ערלעכקייט, פּינקטלעכקייט, ווירדע, געוויסן אין געשעפט און אין קהל. אַ שיל־גייער, כּל־ימיו פּתיחה צו נעילה, געשטאַנען אַ פאַסטנדיקער, אַ שטאַרקער כאַראַקטער, אַסימילירט, אָבער אין תוך אַריין אַ ירא־שמים. דער ברודער סאַמועל, אַ ביסל קרענקלעך אָן פיל ענערגיע, מיט גוטע כוונות, אַ רעפּרעזענטאַנט. נאָך־אַ ברודער יוזעף, אַ גאַנצער אַריסטאָקראַט־באַנקיר, באַנק דיסקאָנטאָווי, געטראָפן שטענדיק ביי לודסן, פראַנצויזישע צייטונגען, אויסלענדישע פאַרבינדונגען, אַ מפונק, אַ וועלטמאַן, אַן עסטעטיקער, קיין שום יידישע אינטערעסן. פון די יינגערע. האָב איך קאָלעגירט אין קאָמיטעטן מיט גומטאָוו, אַ הויכער, אַ בלאָנדער, אַ קורצזיכטיקער, מיט בינאָקלען, שטאַרק דזשענטלמעניש לויט דעמאָלדיקע באַגריפן, אַסימילירט, אָבער אויף אַן אויסלענדישן שניט, אַ פיינער יונגער־מאַן, נאָר די פּלוניתטע האָט נישט דערלויבט אַז דעם זיידנס פּאָרטרעט, מיט דער יאַרמלקע און באָרד און פּאות, זאָל הענגען אין זאַל. בערעקן האָט מען, מחילה, משלח געווען אין קיך...

דאָ רייסט זיך אָפּ דער פאָדעם פון זכרונות. איך וויל דאָך נישט דערציילן וואָס איר אַלע ווייסט. וואָס איר ווייסט נישט, אָדער נישט גענוג קלאָר: צוריק אויף אַ מינוט צו אונדזער שאָפּען־מיכאַל. אָט דער מיכאַל האָט געהאַט צוויי זין, איינער, ווייניקער באַקאַנט, האָט זיך באַשעפטיקט מיט ענגלישער ליטעראַטור אין לאָנדאָן אונטער אַ פּסעוודאָנים. נישט פיל אויפגעטאָן, אונטערגעגאַנגען ווי טויזנט אַנדערע אין אַנאָנימיטעט, אַן אָרנטלעכער, שטילער מאַן. דער אַנ־

דערער,דער עיקר,איז פּראָפעסאָר אַנרי בערגסאָן!ער איז געבוירן אין דער צייט ווען זיינע עלטערן האָבן געוואוינט אין פראַנקרייך, אליין אַ פראַנצויז. די מוטער איז געווען ד״ר לעוויזאָנס טאָכטער, אַ פיינע יידענע פון ענגלאַנד. אליין האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ מיס כהן פון אַ גוטער יידישער פאַמיליע אין ענגלאַנד, דעריבער קען ער ענגליש אזוי גוט ווי פראַנצויזיש. וואָס אנרי בערגסאָן איז אין אונדזער דור, דאָס איז איבעריק צו דערציילן. ער האַלט דעם סצעפּטער פון פילאָזאָפיע, ער באַלייכט די סאָרבאָנע, די פראַנצויזישע אַקאַדעמיע, ער שפּייזט די וועלט, ער איז דער וועגווייזער. אין דער מלוכה פון גייסטיקער וויסנשאַפט קעניגט טעמערלס איייניקל!

(אַ פראַגמענט פון אַן ארבעט אין דעם יובילײ־בוך פון ווארשעווער „היינט״ 1908 - 1928)

* * *



אַלט־שטאָט

חנה קוביאַק (וואַרשע)

ייִדישע אַלטערטימלעכקייט אין וואַרשע

שוין אין 14טן יאָרהונדערט האָבן ייִדן זיך באַזעצט אין וואַרשע, אָבער די ערשטע ידיעות פון אַן אָרגאַניזירט קהילה־לעבן שטאַמען פון אַ הונדערט יאָר שפעטער. מיר ווערן געוווּיר אַז די ייִדן האָבן דאַן געוווינט אויף דער „ייִדישער גאַס" וואָס האָט שפעטער באַקומען דעם נאָמען די „אברהם־גאַס" און האָט זיך אָנגעהויבן פון מאַרק אויף אַלטשטאָט, ניט ווייט פון דער שטאָטישער מויער. דער בית־עולם האָט זיך דאַן געפונען נאָענט פון דעם גראָדזקער צווינטער, און די שיל אין שכנות מיט דער קירך פון הייליקן יאָן. צוליב דער עקאָנאָמישער קאָנקורענץ האָבן די רייכע קריסטלעכע איינוווינערס אונטערגענומען אַ העפטיקן קאַמף קעגן די ייִדן, און דאָס האָט גורם געווען צו זייער פולשטענדיקער אַרויסטרייבונג פון וואַרשע. נאָכן דעקרעט וועגן פאַרטרייבן אַלע ניט־קאַטאָליקן און ספעציעל ייִדן און ניט דערלויבן זיי אויף להבא צו באַזעצן זיך אין וואַרשע אַרויסגעגעבן פון דעם פירשט פון מאַזאָוויע באָלעסלאַוו אין יאָר 1483, האָט מען אויפגעלייזט אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס. אויפן אָרט פון בית־עולם האָט מען אויפגעשטעלט אַ בעקעריי, און וואָס שייך דער שיל אויף דער ייִדישער גאַס, האָט מען זי אַוועקגעשענקט אַ קריסט.

אַלס פועל־יוצא פון הונדערטער יאָרן קאַמף האָבן ייִדן באַקומען דאָס רעכט צו באַזעצן זיך אין דער שטאָטגעגנט פאָטשעיוּוו, צווישן די גאַסן סענאַטאָרסקע און נאָוואָסענאַטאָרסקע. דאָס איז געשען סוף 18טן יאָרהונדערט. נאָכן באַקומען וווינרעכט און אַ דערלויבעניש צו האַנדלען אין דער שטאָט, האָבן די ייִדן אָרגאַניזירט זייער אָפיציעלע פאָרשטייערשאַפט, ד"ה די קהילה, און צוזאַמען דערמיט אַ שיל און אַ בית־עולם.

עס זענען אַ דורך בלויז עטלעכע צענדליק יאָר און וואַרשעווער ייִדן האָבן שוין פאַרמאָגט צענדליקער בתי־תפילות און עטלעכע גרויסע שילן וואָס זענען געווען איינגעטיילט אין „פראָגרעסיווע" און „קאָנסערוואַטיווע". אין די ערשטע האָט מען אין אָנהייב געדאַוונט אויף דייטש, אָבער מיטן וווּקס פון פאַטריאָטיזם און די קאַמפן פאַר פוילנס אומאָפהענגיקייט איז מען שוין אַרום 1852 איבערגעגאַנגען אין די „פאָסטעמפאָווע" שילן פון וואַרשע צו דער פוילישער שפראַך און דאָס האַלטן דרשות אין פויליש איז געוואָרן איינגעפירט אין אַלע „פראָגרעסיווע" שילן. די ערשטע „דייטשע" שיל אין וואַרשע שטאַמט פון סוף 18טן יאָרהונדערט און ס'האָט זי געלאָזט אויסבויען אויף דער דאַנילאָוויטשעווסקע־גאַס איזאַק פלאַטאַו. אין 1840 איז די שיל געוואָרן דאָס אייגנטום פון דער קהילה. די דאָזיקע שיל האָט עקסיסטירט ביז 1878 און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר כאָר און שיינער אַרכיטעקטור, ווי אויך מיט איר רייכער אויסשטאַטונג. אויף די נאַלעווקעס איז געווען נאָך אַ „פראָגרעסיווע" שיל, און אין 1862 זענען ביידע שילן געוואָרן פאַרמאַכט צוליב דער ייִדישער באַטייליקונג אין דער פוילישער פאָליטישער באַוועגונג וואָס האָט צוגעגרייט דעם אויפשטאַנד.

אין 1878 איז אויפגעבויט געוואָרן די „נייע פראָגרעסיווע" שיל אויף טלאָמאַצקע 5. די געביידע, אין ניי־רענעסאַנס־סטיל, איז געמאַכט געוואָרן לויט די פלענער פון לעאַנדער מאַרקאָני. די שיל האָט פאַרמאָגט אַ רייכן אָרון־קודש און אַ באַלעמער וואָס איז אָפגעטיילט געווען פון די ערטער פון מתפללים מיט אַ הערלעכן באַלקאָן פון מירמלשטיין און צוויי קאָלומנעס. איבערן אָרון־קודש האָט זיך געפונען דער כאָר פון די משוררים און די אייבערשטע גאַלעריע, וואָס האָט אַרומגענומען די געביידע, איז געווען באַשטימט פאַר פרויען.

די דערמאָנטע שיל איז געוואָרן אויפגעריסן דורך די היטלעריסטן, דעם 16טן מיי 1943, בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. די דייטשן האָבן דאָס געהאַלטן פאַר אַ סימבאָלישן אַקט פון דער פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון דער ייִדישער געגנט. "ס'האָט אויפגעהערט צו עקסיסטירן אויך די גאַנצע ייִדישע געגנט. די גרויסע אַקציע איז געוואָרן פאַרענדיקט 20 אַ זייגער 15 מינוט דורך אויפרייסן אין דער לופט די וואַרשעווער סינאַגאָגע" — שרייבט סטראָאָפ, דער ס. ס.־קאָמענדאַנט און גענעראַל־מאַיאָר פון דער פאָליציי פון וואַרשעווער דיסטריקט, אין זיין ראַפאָרט צום פאָליציי־גענעראַל קריגער.

די צום מיינסטן באַקאַנטע קאָנסערוואַטיווע שילן האָבן זיך געפונען אויף די ווייטערדיקע גאַסן: גנאָינע, קאָזשלע, גזשיבאָווסקע און יעזשעגאָ. אין דער שיל „מוריה" האָבן געדאַוונט דאָס רוב ליטווישע ייִדן. באַקאַנט זענען אויך געווען די שיל אויף סימאָנס פאַסאַזש און נאָזשיקס שיל אויף טוואַרדע. לויט די אָפיציעלע ציפערן זענען אין 1907 געווען אין וואַרשע 8 שילן און 330 אַנדערע ייִדישע געבעטהייזער, וואָס האָבן זיך באַשטייערט פאַר דער קהילה אין דער הייך פון 5 ביז 10 רובל אַ יאָר און דאָס געלט איז געגאַנגען אויף תלמוד־תורות. פון אַלע בתי־תפילה איז בלויז פאַרבליבן נאָזשיקס שיל, אַלע אַנדערע האָט דער דייטש פאַרניכטעט.

בית־עלמינס

נאָך דעם ווי מ'האָט אין 15טן יאָרהונדערט געצוווּנגען די וואַרשעווער ייִדן צו ליקווידירן זייער ערשטן אייגענעם בית־עלמין, האָבן זיי געמוזט באַגראָבן זייערע מתים אין די אַרומיקע שטעטלעך: ווי גראָדזשיסק און סאָכאַטשעוו, וווּ ס'האָבן שוין געוווינט אַ סך ייִדן. ערשט אין 1799 האָבן וואַרשעווער ייִדן באַקומען אַ דערלויבעניש אויף אַ בית־עלמין, וואָס איז גלייך געעפנט געוואָרן אויף פאָוואָנזקי, צווישן די גאַסן אָקאָפאָווע און מלינאַרסקע. דער אַריינגאַנג איז געווען אויף אָקאָפאָווע 49 און דער גאַנצער פאַרנומענער שטח האָט באַטראָפן 27,8 העקטאַר. פון די אַמאָליקע מצבות, וואָס האָבן געהאַט אַ קינסטלערישן ווערט, דאַרף מען דערמאָנען מרדכים דענקמאָל פון יאָר 1810, דער אוהל אין מאַוריטאַנישן סטיל פון יאָר 1847 און די מצבה פון בערעק זאָנענבערג, אַ זון פון שמואל זביטקעווער. דער פלאַן פאַרן דאָזיקן דענקמאָל זאָל שטאַמען פון דוויד פרידלענדער און זיין אויספירער זאָל זיין געווען יונה בן זיינוול, דער שעפער פון אַ סך קינסטלערישע אַרבעטן, צווישן זיי דער אָרון־קודש אין דער שיל פון קעמפנאָ און סטאַשעוו. פאַראַן דאָ אויך קינסטלערישע מצבות לויט די פראָיעקטן פון סקולפטאָר אָסטזשעגאַ, ווי אויפן קבר פון י. סיראָטאַ און ר. שיוואַק.

אויפן דאָזיקן בית־עלמין געפונען זיך די קברים פון אַ סך באַרימטע פערזענלעכקייטן: פון אונדזער קלאַסיקער י. ל. פרץ און פון די שרייבער י. דינעזאָן, ש. אַנסקי, י. מ. ווייסענבערג, פון דער מוטער פון ייִדישן טעאַטער אסתר רחל קאַמינסקי, פונעם באַקאַנטן היסטאָריקער שמעון אַשקענאַזי (געשטאָרבן אין 1935), פונעם גרינדער פון דער טייך־נאַוויגאַציע מאַוריצי פאַיאַנס (געשטאָרבן אין 1897), פון דעם נאַטור־פאָרשער און איינעם פון די גרינדער

פון דער „פוילישער געזעלשאפט פון לאנד־קענטשאפט" מיעטשיסלאוו האלפערן (געשטאָרבן אין 1924), פון דעם מיטגרינדער פון דער טעכנישער שול היפּאָליט וואוועלבערג און פון דעם שעפער פון עספעראנטא לודוויג זאמענהאף. ס'איז אויך דאָ באעדיקט דער באקאנטער קעמפער און קאָמוניסטישער טוער גרשן דוא (באָגען) און ס'געפינט זיך דאָ אויך דער געמיינזאמער קבר פון א גרופע יִדישע פארטיזאנער, ווי אויך פון א גרופע אויפשטענדלער פון ווארשעווער געטאָ. אין דעם געמיינזאמען מאסן־קבר געפינען זיך עטלעכע טויזנט יִדן, קרבנות פון היטלעריסטישן טעראָר אין יאָר 1942.

איצט געפינט זיך דער בית־עלמין אין א גוטן צושטאנד און ער ווערט ווי געהעריק אָפּגעהיט.

דער פראַגער בית-עלמין

די יִדישע קהילה אין פראגע, פארהעלטנישמעסיק נאָך א יונגע, איז עלטער פון דער נייער ווארשעווער קהילה. נאָך אין יאָר 1755 האָט דער סיים־באשלוס דערלויבט יִדן צו באזעצן זיך אין פראגע, בויען דאָרט הייזער און באשעפטיקן זיך מיט האנדל. זינט דאן ווערט פראגע דער הויפטצענטער פון דער ווארשעווער יִדישער באפעלקערונג. די אלע וואָס האָבן געהאט געשעפטן אין ווארשע און האָבן זיך דאָרט ניט געקענט באזעצן האָבן געוווינט אין פראגע. פראגע ווערט ארוי ארום א באזונדער יִדיש שטעטל און אין 1781 זענען אויף 6700 איינוווינער געווען 5000 יִדן. סוף 18טן און אָנהייב 19טן יאָרהונדערט איז געווען דער בליפעריאָד פון דער פראגער קהילה און פון דאן איז אויך דער בית־עולם און די שיל פאראן. א השערה אז דער פראגער בית־עלמין האָט שוין עקסיסטירט אין 1764 און זיין גרינדער איז געווען ר' אריה לייב זונז, אָבער דאָקומענטאל ווייס מען ערשט פון אים אין 1780, ווען די דערלויבעניש דערויף האָט באקומען, דער ליפעראנט פון קעניג סטאניסלאוו אויגוסט, שמואל זביטקעווער. אין דאָקומענט זאָגט זיך: „ס'ווערט אויסגעטיילט פארן בית־עלמין פלאץ אויף א זאמד־בערגל פון די קעניגלעכע גיטער פון טארגוועק, וואָס פארנעמט 150 איילן אין דער לענג און אזוי פיל אויך אין דער ברייט. ס'ווערט דערלויבט דעם בית־עולם ארומצוצוימען מיט א פארקאן, ווי אויך אויפצובויען א הויז פאר א גייסטלעכן באדינער. דער יערלעכער צינדז פארן מלוכה־אוצר ווערט באשטימט אין 400 פוילישע זלאָטעס און פארן עלטסטן איבערן בית־עולם ווערט באשטימט יאקובאָוויטש (זביטקעווער).

5 יאָר האָט עס גענומען יאקובאָוויטשן דורכצופירן אלע מוניציפאלע פארמאליטעטן, ווי אויך דאָס אויפשטעלן א מויער ארום דעם בית־עלמין און ערשט דאן האָט ער עס איבערגעגעבן אין די הענט פון א באגרעבעניש־ברודערשאפט, פארזיכערנדיק זיך פריִער אז עס זאָל אים אומגעקערט ווערן די צינדזן און די קאָסטן פון דער מויער. אין די ערשטע 15 יאָר האָבן זיך אויפן בית־עולם געפונען גאַץ ווייניק מתים, ווייל מ'האָט זיי לויט דער פריערדיקער געוווינהייט מיינסטן ווייטער געפירט קיין גראָדזשיסק אָדער סאָכאַטשעוו. דער בית־עולם האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אָנצופילן מיט קברים אין יאָר 1794, בעת די קאמפן פאר דער פוילישער אומאָפּהענגיקייט, אין וועלכע ס'האָט זיך באטייליקט דער יִדישער פאָלק פון בערעק יאָסעלעוויטש. און ווען ס'איז אומגעקומען דער גרעסטער טייל פון די פראגער יִדישע איינוווינערס. ווי אן אילוסטראַציע צו דער דאָזיקער געשעעניש, וועלן מיר ציטירן דעם פאקט וואָס עס גיט אָן דער פוילישער היסטאָריקער טאדעוש קאָזשאָן: „שמואל זביטקעווער, פילנדיק טיף דעם ווייטיק פון דער גרויסער צאָל קרבנות, אומגעבראכטע דורך פייער און שווערד, האָט פארעפנטלעכט א דערקלערונג אז יעדערער פון דער ארמיי וואָס וועט צו אים ברענגען א לעבעדיקן איינוווינער פון פראגע — א יִד, צי א קריסט — וועט באקומען א גאָלדענעם דוקאט, און ווער ס'וועט ברענגען א טויטן, כדי צו ברענגען אים צו קבורה, וועט באקומען א זילבערנעם רובל. צוליב דעם האָט ער אוועקגעשטעלט אויפן קעניגלעכן הויף צוויי פולע טונען מיט גאָלדענע רענדלעך און זילבערנע רובל און ביידע זענען גיך געוואָרן אויסגעליידיקט".

אין יאָר 1810, שוין נאָך יאקובאָוויטשעס טויט, האָט זיין אלמנה געשלאָסן א נייעם אָפּמאך מיט דער באערדיקונג־ברודערשאפט. לויט וועלכן ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרן ווער ס'דארף פארריכטן די מויער פון בית־עלמין און אויך צאָלן די צינדזן. אין פארלויף פון גאנצן 19טן און אויך שפעטער אין 20טן יאָרהונדערט איז באנוצט געוואָרן דער דאָזיקער בית־עלמין אָבער אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאציע איז ער אינגאנצן געוואָרן פארניכטעט. איצט באמיט מען זיך פון פארבליבענע שטארק צעשעדיקטע מצבות צונויפצושטעלן איין געמיינזאמען דענקמאָל.

די שיל אין פראַגע

בערעק זאָנענבערג, אן אָפּשטאמלונג פון דער זביטקעווער משפּחה, האָט אין 1807 (תקסז) געשענקט דער פראגער קהילה א שיל וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן לויט די פלענער פון ארכיטעקט יוזעף לעסעל. די היטלעריסטישע אָקופּאציע האָט געלאָזט די שיל אין א צושטאנד פון פולשטענדיקן חורבן און איצט פלאנט מען זי צו באנייען.



די שיל אויף
טלאמאצקע גאס

ד״ר ע. רינגעלבלום

יידן אין וואַרשע אין 18טן י״ה און זייער רעכטלעכע לאַגע

1. צי האָט עקסיסטירט אין וואַרשע אַ יידישע קהילה?

זינט דעם גירוש פון יאָר 1527 ביז צום 19טן י״ה איז אין וואַרשע ניט געווען קיין אָפיציעלע יידישע קהילה. די סיבה איז אַ גאַנץ פּשוטע: יידן האָבן דאָ נישט געהאַט קיין וואוינרעכט, ניט געטאָרט דאָ האָבן קיין הייזער, וכדומה. די מאַכט האָט נאָר געוויסע קאַטעגאָריעס יידן דערלויבט צו וואוינען, אָבער אויך — אָן פרויען און קינדער.

פון דעסט וועגן האָבן יידן שטענדיק געוואוינט אין וואַרשע. געווען צווישן זיי אַזעלכע וואָס זענען דאָ געבוירן געוואָרן און דאָ אָפּגעלעבט אַלע זייערע יאָרן; אין די געריכטן דערקלערן טייל יידן אַז זיי וואוינען אין וואַרשע אַפילו צו 40 יאָר. די גירושים פון צייט צו צייט זענען געווען אַ טרויעריקער אינטערמעצאָ, וואָס דעמאָלט האָבן די אָרעמע שיכטן געמוזט פאַרלאָזן וואַרשע אָדער זיך ערגעץ וואו אויסבאַהאַלטן. די רייכערע האָבן אונטער דעם שוץ פון די פּריצים זיך באַוועגט מער ווייניקער פריי אַפילו אין יענע שווערע צייטן.

די מאַכט האָט נישט אָנערקענט קיין יידישן קאָלעקטיוו אין וואַרשע, ווייל דאָס וואָלט באַטייט אַז עס ווערט אָנערקענט דאָס לעגאַלע וואוינרעכט פון יידן אין דער שטאָט. ביי יעדן פאַל ווען די יידן פון וואַרשע ווענדן זיך אַלס אַ קאָלעקטיוו, ווערט אין דעם ענטפער פון די מאַכטאָרגאַנען אונטערגעשטראָכן אַז יידן האָבן נישט קיין רעכט צו בילדן אין וואַרשע אַ קהילה. אַזוי, למשל, לייענען מיר אין דער באַמערקונג פון קרוין־מאַרשאַלעק (1), וואָס צו אים האָט געהערט די גאַנצע מאַכט איבער די יידן פון וואַרשע, אויף דעם מעמאָראַנדום פון די וואַרשעווער יידן צום קעניג און „שטענדיקן ראַט" (2) אַז די אונטערשריפט אַליין — די פאַרזאַמלונג פון די וואַרשעווער יידן —

Zgromadzenie Żydów warszawskich

— איז קעגן געזעץ. די יידן אין וואַרשע האָבן נישט קיין רב און ניט קיין שול — טענהט דער מאַרשאַלעק — טאָרן זיי בכן זייער מעמאָראַנדום נישט אונטערשרייבן אַלס אסיפה.

ווען דער גענעראַל בוקסהעוודען (3) האָט נאָך דעם פאַלן פון דעם קאָשציושקאָ־אויפשטאַנד פאַרנומען וואַרשע און האָט אויפגעפאָדערט די יידן, זיי זאָלן שיקן זייערע פּרנסים, האָבן זיי געענטפערט: „דאָ אין וואַרשע האָבן מיר נישט קיין שום פּרנסים; אין די צייטן פון דער מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע איז געווען אַ יידישער סינדיק וואָס איז באַשטימט געווען פון דער מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע". די דאָזיקע אויטאָריטאַטיווע דערקלערונג קען באַטראַכט ווערן פאַר אַ מין אָפיציעלער דעקלאַראַציע. אויף איר סמך קען מען מיט אַ זיכערקייט באַהויפּטן אַז קיין אָפיציעלע יידישע קהילה האָט נאָכן גירוש אין יאָר 1527 און אייגנטלעך נאָך פריער, צום סוף 15טן י״ה, דאָרט נישט עקסיסטירט.

אַן אויסנאַם איז נאָר אַ קליינער צייטאָפּשניט פון יאָר 1750 ביז 1766, ווען עס האָבן עקסיסטירט טעטיקע יידישע פּרנסים אין וואַרשע (Seniores Judaeorum). די קאָמפּעטענצן פון די דאָזיקע „סעניאָרן" זענען — לויט די געריכטאַקטן — געווען גאַנץ ברייטע. קודם־כל האָט צו זיי געהערט די יוריסדיקציע איבער די יידן; די מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע שיקט איבער צו זיי אַ גאַנצע ריי סיכסוכים צווישן יידן (4), ס'איז אַפילו נאָטירט אַ פאַל, ווען אַ ייד ווערט פאַרמשפּט דערפאַר וואָס ער האָט זיך נישט אונטערגעוואָרפן דעם פּסק־דין פון די פּרנסים (5). די פּרנסים האָבן, אויסער געריכט־פונקציעס, זיך אויך באַטייליקט אין איינמאָנען דעם קאָפּשטייער פון די וואַרשעווער יידן. דאָס עצם איינמאָנען דעם קאָפּשטייער געהערט צום יידישן סינדיק (זע ווייטער), די פּרנסים האָבן מסתמא, ווי אומעטום, געמוזט אונטער אַ שבועה באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון דער אָנגעגעבענער רשימה פון די שטייער־צאָלערס (6).

אין משך פון די עטלעכע יאָר וואָס דאָס פּרנסים־געריכט האָט פונקציאָנירט, האָבן זיך די פּרנסים געביטן. געבליבן איז נאָר איינער — לעוועק פון כמעלניק. אין יאָר 1759 זענען געווען פּרנסים: אברהם פון פּשעדבאָזש, לעוועק פון כמעלניק, יעקב פון סאָקאָל, מאַרעק פון פּשעמישלע און איצעק פון וואָדיסלאַוו (7). אין 1766 פאַרנעמען דעם דאָזיקן אַמט: לעוועק פון כמעלניק, דוד פון פּשעדבאָזש, הערשקע פון קאָנעצפּאָל, מאָשקע פון כמעלניק און מיכאל דער זיגל־מאַכער (8).

די עקסיסטענץ פון אַ לעגאַלער יידישער קהילה אין די 60ער יאָרן איז אויך קאָנטיק דערין וואָס דאָס געריכט לייגט אַרויף די אחריות אויף „דער גאַנצער יידישער קהילה" (universam communitatem Judaeorum) (פאַר אַ גנבה פון יידישע גנבים ביים פּרייסישן אַרטילעריע־קאַפּיטאַן ביסמאַן). די סומע וואָס די יידישע קהילה דאַרף באַצאָלן מאַכט אויס 100 רויטע גילדן —

---

1) עקאָנאָמישע אַקטן פון אַלט־וואַרשע, נ' 1207, פון יאָר 1778, (הויפּט־אַרכיוו אין וואַרשע).

2) דער „שטענדיקער ראַט" (אויף פּויליש Rada Nieustająca) איז באַשטאַנען פון 18 סענאַטאָרן און 18 דעפּוטאַטן וואָס האָט קאָנטראָלירט די טעטיקייט פון דעם קעניג און אָן זײַן דערלויבעניש האָט דער קעניג גאָרנישט געטאָרט טאָן.

3) עקאָנאָמישע אַקטן, נ' 1258, 13 אָקט' 1794.

4) אורטיילן פון דער מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע Dekrety jurysdykcji marszałkowskiej. נ' 54, ז' 240, י' 1766, דאָרטן, נ' 44, ז' 167, י' 1759.

5) דאָרטן, נ' 44, ז' 310, י' 1760.

6) דאָרטן, נ' 54, ז' 64, י' 1766.

7) דאָרטן, נ' 44, י' 1759.

8) דאָרטן, נ' 54, ז' 64, י' 1766.

1.800 פוילישע גילדן; די קהילה האט אבער רעכט אויפצומאנען דאס געלט ביי די יידישע גנבים (9). דער דאזיקער פאל איז אויך אינטערעסאנט דערפאר וואס עס ווערט אין אים אנגעווענדט דער מיטל־עלטערלעכער פרינציפ פון קאלעקטיווער אחריות.

לעגאל און כלפי חוץ האט קיין יידישע קהילה נישט געטארט עקסיסטירן. אין דער אמתן אבער האט זיך דער יידישער כלל ארגאניזירט אין א קערפערשאפט וואס האט, אמת, כלפי חוץ נישט געהייסן קהילה, האט אבער פאקטיש אויסגעפירט די זעלביקע פונקציעס ווי א קהילה. אזא ארגאניזירטער יידישער קאלעקטיוו האט געמוזט זיין אין ווארשע. מען האט כסדר געמוזט שטיין אויף דער וואך פון די ארטיקע יידישע אינטערעסן, מען האט אן אויפהער געמוזט זאמלען געלט אויף „מתנות" פאר פארשיידענע הויך געשטעלטע פערזאנען, מען האט כסדר געמוזט קעמפן „מיט דער יידישער שווערד" — ווי מען פלעגט דעמאלט אנרופן שוחד — כדי די יידישע רעכט אין ווארשע זאל נישט געמינערט ווערן. אויסער דעם האט דאך עמעצער געמוזט זארגן פאר די רעליגיעזע הצטרכותן פון דער יידישער עדה אין ווארשע.

נישט געקוקט דערויף וואס א יידישע קהילה איז אין ווארשע נישט געווען לעגאל, גנבעט זיך פון צייט צו צייט אדורך דער אומלעגאלער נאמען „אסיפה פון די ווארשעווער יידן" וואס האט אזוי ארויסגעבראכט פון די כלים דעם קרוין־מארשאלעק לובאמירסקי. אין יאר 1778 (10) רופט זיך אזוי אן דער יידישער קאלעקטיוו אין ווארשע. פריער נאך טרעט אזוי ארויס די פראגער קהילה (11). אין יאר 1793 טרעטן ארויס די רעפרעזענטאנטן פון ווארשעווער יידנטום „אין נאמען פון דער גאנצער אסיפה פון כלל ישראל אין ווארשע" (12)

w imieniu całego Zgromadzenia Izraela w Warszawie

אין דעם זעלביקן יאר ווענדן זיך די ווארשעווער יידן צום קעניג ווי „שליחים פון דער אסיפה פון די ווארשעווער יידן" (13)

Deputowani od Zgromadzenia Żydów warszawskich.

די אומלעגאלע קהילה האט אויך כסדר אירע פרנסים וואס האבן אין איר נאמען פארטיידיקט די אינטערעסן פון כלל. אין צענדליקער ווענדונגען, מעמאראנדומס, בקשות א"א טרעטן ארויס די חשובי העיר: די רייכסטע סוחרים, דער וואס האלט אין ארענדע די שחיטה, די גרעסטע מעקלערס וכדומה, תמיד די זעלביקע פערזאנען — א סימן אז דאס זענען די פרנסים פון דער נישט־לעגאלער יידישער קהילה.

עס קען זיין אז די וואלן פון די פרנסים זענען פארגעקומען אויף געהיימע פארזאמלונגען. עס קען אבער אויך זיין אז די דאזיקע פונקציעס האט אויסגעפירט די פארוואלטונג פון איינער פון די לעגאלע חברות וואס האבן עקסיסטירט אין ווארשע און פראגע. מסתמא איז דאס געווען די חברה־קדישא, וואס בראש פון איר איז אין פראגע, למשל, געשטאנען דער באקאנטער ליווראנט שמואל זביטקעווער. בכלל אין באוואוסט אז דער אמט פון א פארוואלטונגס־מיטגליד פון דער חברה־קדישא איז תמיד ביי יידן געווען חשוב. אין אזא ווארשע, וואו קיין אנדערע כיבודים האבן די רייכע יידן נישט געקאנט דערגרייכן, האבן זיך נאך דעם כבוד אין דער חברה־קדישא אוודאי געמוזט יאגן די סאמע אנגעזעענסטע פני. צום באדויערן אבער איז נישט אויפגעהיט געווארן דער פנקס פון דער ווארשעווער חברה־קדישא, הגם אזעלכער האט עקסיסטירט, און עס איז דעריבער אוממעגלעך פעסטצושטעלן די ריכטיקייט פון אונדזער השערה אז די פארוואלטונג פון דער חברה־קדישא איז געווען אידענטיש מיט דער אנפירונג פון דער קהילה.

ווי א פועל־יוצא פון דעם פארבאט צו ארגאניזירן די יידישע באפעלקערונג אין א וועלכער נישט איז רעפרעזענטאטיווער קערפערשאפט, האט די מאכט אויך נישט דערלויבט די יידן פון ווארשע צו בויען בתי־מדרשים, און עס זענען אפילו אין אנהייב פארגעקומען פראצעסן קעגן יידן וואס האבן ביי זיך פריוואט איינגעארדנט אומלעגאל שולן צו דאווענען בציבור. עס איז אויך געווען פארווערט חתונה צו האבן אין ווארשע, גטן זיך וכדומה.

---

9) דארטן, נ' 43, י' 1760.

10) עקאנאמישע אקטן, נ' 1207, י' 1778.

11) אקטן פון פראגער יורידיקעס, נ' 86, י' 1768.

12) עקאנאמישע אקטן, נ' 1125.

13) ארכיוו פון קעניגרייך פוילן Archiwum Królestwa Polskiego נ' 316, ז' 1109, י' 1793.

דער טויטער אות פון געזעץ האט אבער געמוזט אפטרעטן פאר די באדערפעגישן פון לעבן. די זעלביקע מאכט וואס האט פארבאטן יידישע שולן, הייסט שפעטער דעם יידישן סינדיק (זע ווייטער) צו מעלדן די פאראָרדענונגען פון מארשאלעק דווקא אין די שולעכלעך, (14) וואו יידן קומען זיך צונויף. די רעגירונג האט אויך קאפיטולירט בנוגע חתונות און גטן: די מארשאלקעס דערלויבן די סינדיקעס ארויסצוגעבן די פערזאנען וואס ווילן חתונה האבן באשטעטיקונגען אז זיי האבן אן עקסיסטענץ־מעגלעכקייט (15) און קענען הייסט עס אויסהאלטן א פאמיליע.

די מארשאלעק־מאכט האט נישט אנערקענט די רבנים וואס האבן געהאט אן אויטאריטעט, און האט אויף זייער ארט באשטימט פון זיך דיינים (וועגן דעם זע ווייטער). דאס האט אבער קנאפ וואס געהאלפן. יידן פלעגן גיין נישט צו די דאזיקע דורך דער מאכט נאמינירטע גייסטלעכע באאמטע, נאר צו די אומלעגאלע רבנים, וואס צו זיי האבן זיי געהאט צוטרוי. נישט אומזיסט קלאגט זיך דער סינדיק, (16) אז „די רבנים האבן די העזה געהיים צו משפטן סיכסוכים און באנוצן זיך מיט דער מאכט וועלכע מען האט ביי זיי צוגענומען, און שטעלן זיך אנטקעגן די איצטיקע, ד"ה דורך דער מאכט נאמינירטע דיינים".

עס האט אויך עקסיסטירט א מין געהיימער שטענדיקער בית־דין וועלכער האט אנגעקניפט אן א גאר אלטער טראדיציע. דער דאזיקער בית־דין האט זיך געפונען אין דעם זעלביקן הויז וואו עס האט זיך אין מיטל־עלטער געפונען די יידישע שול, אויף דער גאס דוניי. (17) בעת דעם קאמף וואס יידן האבן געפירט אויפן גראדנער סיים אין יאר 1793 פאר זייערע רעכט האבן זיי געטענהט אז זייערע רעכט צו וואוינען אין ווארשע שטאמען נאך פון מיטל־עלטער, און א באווייז איז אז דאס הויז, וואו עס קומט פאר חתונות, גטן, וכדומה, איז מיט הונדערט יאר צוריק געווען א בית־מדרש. דאס שטימט טאקע מיט דערווירקלעכקייט, מחמת אויפן וואנזקי־דוניי האט זיך בעתן מיטל־עלטער באמת געפונען א יידישע שול (18).

נישט דערלויבנדיק די לעגאלע עקסיסטענץ פון א יידישער קהילה אין ווארשע האט אבער די מאכט בלית־ברירה געמוזט אליין שאפן אן אפאראט וואס זאל אין איר נאמען פארוואלטן איבער די ענינים פון יענע יידן וואס האבן לויטן געזעץ געמעגט וואוינען אין ווארשע. דער דאזיקער תחילת גאנץ קליינער אפאראט, וואס בראש פון אים איז געשטאנען דער יידישער סינדיק, איז מיט דער צייט אויסגעוואקסן צו א ברייט פארצווייגטן שטאב מיט צענדליקער פערזאנען. נאך מער: די מאכט האט כסדר געמוזט נאכגעבן די פאדערונגען פון דער יידישער באפעלקערונג און דערלויבן א חברה־קדישא וואס האט איבערגענומען די פונקציעס טיילווייז פון א קהילה און טיילווייז פון אנדערע חברות. די מאכט האט אויך געמוזט קאפיטולירן פאר דער יידישער באפעלקערונג בנוגע אירע פאדערונגען וועגן אויטאנאמיע אין פרט פון שטייערן. דער סינדיק מיט זיין גאנצן קלאפערגעצייג האט נישט געקלעקט בעת ס'איז אויסגעקומען איינצומאנען א נייע באשטייערונג, אדער בעת מען האט אפעלירט צו דער יידישער באפעלקערונג, זי זאל ארייננטראגן פרייוויליקע ביישטייערונגען (פאר דעם אויפשטאנד, וכדומה).

מיט אייןווארט, דער קאמף וואס האט זיך געפירט מצד די ווארשעווער יידן פאר די רעכט צו ארגאניזירן זייער אייגן ציבור־לעבן אויף די זעלביקע יסודות ווי אומעטום, ד"ה אויף יסודות פון אליין־באשטימונג, האט זיך סוף כל סוף געענדיקט מיטן נצחון פון דער יידישער באפעלקערונג. עס האט בכן געמוזט אויפקומען אין ווארשע א יידישע קהילה מיט פרנסים, רבנים, מיט שולעכלעך, מיט א בית־דין וכדומה. אין דער יידישער קהילה, דער אומלעגאלער, האט זיך אפילו אנטוויקלט די זעלביקע סיסטעם וואס אין אנדערע, לעגאלע קהילות: די סיסטעם פון אריבערווארפן די שטייערן־משא אויף די ארעמע מאסן דורך אומדירעקטע שטייערן, דער עיקר דורך שחיטה־געלט.

---

14) עקאנאמישע אקטן נ' 858.

15) דארטן.

16) י. מ. געוועזענע פאליציי־דירעקציע J. M. B. Dyrekcja Policji נ' 19, ז' 46, י' 1788.

17) דארטן, נ' 11, ז' 49, י' 1784.

18) פר"גל מיין ארבעט Żydzi w Warszawie, I. p. 114, עקאנאמישע אקטן נ' 1053, י' 1793. Djarjusz czynności delegacji w Grodnie.

2. די יידישע קהילה אין פראַגע

אַנדערש ווי אין וואַרשע האָט עס אויסגעזען אין פראַגע. הגם אויך דאָ האָט פאָרמעל געגאָלטן פאַר יידן דער פאַרבאָט צו וואוינען, אָבער בדרך כלל איז דער פאַרבאָט נישט אָפגעהיט געוואָרן. די סיבה דערפון איז די רעכטלעכע לאַגע פון פראַגע, וואָס האָט געהאַט די רעכט פון אַ באַזונדער שטאָט. אין פראַגע האָבן דאָמינירט די פריצים, להיפוך צו וואַרשע וואו דאָס בירגערטום האָט געהאַט אַ שטאַרקע השפעה. אין פראַגע האָט געטראָפן אַז די דאָרטיקע איינוואוינער האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די פאָדערונגען פון דער מאַרשאַלעק־מאַכט אַרויסצוטרייבן די יידן (19), מאָטיווירנדיק עס דערמיט אַז זייערע דירות וועלן בלייַבן שטיין ליידיק. אין אַ דאָקומענט פון יאָר 1784 (20) ווערט אפילו אָפיציעל פעסטגעשטעלט אַז יידן האָבן געהאַט וואוינרעכט incolat אין פראַגע.

עס קען זיין אַז אויף דער באַזונדערער שטעלונג פון די פראַגער יידן האָט געהאַט אַ השפעה דאָס וואָס דאָרט האָט געוואוינט שמואל זביטקעווער און אַ דאַנק זיין השפעה האָבן די יידן דאָ געהאַט באַזונדערע רעכט. מיר דוכט אָבער אַז ריכטיקער וואָלט געווען צו זאָגן פאַרקערט, אַז שמואל זביטקעווער האָט דערפאַר קאָנצענטרירט זיינע אונטערנעמונגען אין פראַגע, ווייל דאָרט האָט ער נישט אָנגעטראָפן אויף אַזעלכע מניעות ווי אין וואַרשע. דעם בעסטן סימן האָבן מיר אַז ווען שמואל זביטקעווער האָט געוואָלט אין דער א״ג פרייסישער תקופה עפענען אַ פוטערסקלאַד אין וואַרשע, האָט ער געמוזט דערפאַר פירן אַ לאַנגן און ביטערן קאַמף.

די יידן אין פראַגע האָבן פאַקטיש געהאַט אַ קהילה מיט אַלץ וואָס צו איר געהערט: מיט אַ לעגאַלן בית־מדרש, מיט אַ בית־עלמין, אַ מקווה וכדומה, און מחמת דעם איז דאָ געווען דער צענטער פון גייסטיקן לעבן פון די יידן אין וואַרשע און פראַגע. די וויכוחים צווישן די חסידים און מתנגדים זענען אין יענע צייטן פאָרגעקומען אין דער פראַגער שול. וואַרשע האָט אויך געהאַט רבנים, אָבער, ווי געזאָגט, זענען זיי געווען אומלעגאַלע. אין פראַגע אָבער האָט פאַרנומען דאָס כסא־הרבנות לעגאַל דער באַקאַנטער פראַגער רב ר׳ שעיהלע פראַגער, גערופן שעיה חריף.

די ערשטע שפורן פון אַ לעגאַלער קערפערשאַפט פון די פראַגער יידן באַגעגענען מיר אין 1768. אין דעם יאָר טרעט אַרויס אַן אָנגעזעענער פראַגער ייד לייזער מאַרקאָוויטש (21) פאַר דער מאַכט אין נאָמען פון דעם כלל פראַגער יידן całego zgromadzenia Żydów praskich. אין דעם צוגעשטעלטן דאָקומענט פאָדערט די פראַגער קהילה, מען זאָל איר אַרויסגעבן אַ פרעמדן ייד וואָס ווערט באַשולדיקט אַז ער האָט געפעלשט אין זיין פרוי. מאַרקאָוויטש פאַררופט זיך ביי דער געלעגנהייט דערויף, אַז ער האָט פון דעם ווענגראָווער קהל, וואָס צו אים האָט פראַגע אַדמיניסטראַטיוו געהערט, דאָס רעכט צו פאַרהאַלטן און באַשטראָפן אַזעלכע פאַרברעכערס. פון די מאַטעריאַלן וועגן דעם סיכסוך צווישן ווענגראָוו און פראַגע, וואָס אין אים גייט די רייד וועגן דעם צי האָט פראַגע דאָס רעכט צו זיין אַ זעלבשטענדיקע קהילה אָדער זי איז אַ מין אָפּטיילונג פון דער ווענגראָווער און מוז קומען אַהין אויף ימים־טובים און בכלל באַפרידיקן דאָרט אַלע אירע רעליגיעזע הצטרכותן, ווערן מיר געוואָר אַז די פראַגער קהילה האָט נישט אָנערקענט די איבערהערשאַפט פון ווענגראָוו און געמאַכט שבת פאַר זיך: געפראַוועט ביי זיך אַלע ימים־טובים, געגעבן אַליין גטן, מקבר געווען מתים, געפסקנט שאלות, געהאַט אַן אייגענעם רב, וכדומה. זי איז, מיט איין וואָרט, געווען אַן אויטאָנאָמע קהילה. אין פראַגע זענען פאַראַן פרנסים פון דער קהילה, די אונטערהאַנדלונגען מיט דעם ווענגראָווער קהל פירט דער סינדיק שמואל זביטקעווער, ווי דער פרנס פון דער קהילה (22). פראַגע האָט געהאַט אַן אייגענע שול, געגרינדעט דורך שמואל זביטקעווער. דאָ איז נישט וויכטיק וואָס זי איז געווען שמואלס אַן אייגנטום און וואָס זי ווערט אין די אַקטן גערופן „שמואלס שול״ (23). אין דער אמתן איז עס געווען די שול פון

---

(19) וועגן דעם שרייַב איך אויספירלעכער אין אַ קאַפּיטל פון מייַן אַרבעט וועגן די ייִדן אין וואַרשע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער געשיכטע פון די ייִדן אין פראַגע.

(20) עקאָנאָמישע אַקטן, נ׳ 1125 פון 8טן יוני 1784.

(21) אַקטן פון די פראַגער יורידיקעס, נ׳ 86, י׳ 1768.

(22) פינאַנצאַקטן, אַפּט׳ 54, נ׳ 24, ז׳ 411, יי׳ 84־1788.

(23) עקאָנאָמישע אַקטן, נ׳ 1120, אין יאָר 1792 ווערט דערמאָנט דער שמש הערשעק אַבראַמאָוויטש פון מאַצעיעוו Szkolnik przy szkole Szmula

דער פראַגער קהילה. אַ דאַנק זביטקעווערס השתדלות האָט פראַגע אויך געהאַט אַ בית־עלמין. דאָ איז אויך געווען אַ יידישער מרחץ — אַ מקווה (אין יאָר 1783 ווערט געכאַפּט אַ יידישער גנב, וועלכער טיטולירט זיך „פראַגער בעדער״) (24). וועגן אַ בעדער הערן מיר אויך אין די שפעטערדיקע יאָרן (25). וואו די באָד האָט זיך געפונען ווערט אין די אַקטן נישט פאַרצייכנט, מן הסתם מוז דאָס זיין די זעלבע וואָס שמואל האָט געהאַט איינגעאָרדנט אין הויף פון די פשעזדזשעצקים (26). אין פראַגע האָבן אויך לעגאַל עקסיסטירט חדרים פאַר יידישע קינדער; אין די טאָגצעטלעך ווערט טאַקע דערמאָנט „אַ פראַגער מלמד״ (27) bakałarz praski מיטן נאָמען הערשקע לעווקאָוויטש פון כמעלניק.

אין פראַגע האָט זיך אויך געפונען אַ יידיש שחיטה־הויז, וואָס האָט געהערט צו שמואל זביטקעווער (28). דער פראַגער בעל־דרשן, איצקע לייבאָוויטש פון גאָמבין (29), און דער סופר מאָרדקאָוויטש פון ווענגראָוו (30) שליסן די רייען פון פראַגער כלי־קודש, וואָס האָבן פון פראַגע געמאַכט אַ קהילה ווי אַלע קהילות.

אין מעמאָראַנדום פון די פראַגער יידן, וואָס אונטער אים געפינט זיך אויפן ערשטן אָרט די אונטערשריפט פון שמואל זביטקעווער (31), מאָטיווירן זיי דעם פראַגער סעפּאַראַטיזם בנוגע וואַרשע דערמיט וואָס בעת דער פראַגער שחיטה (32) האָבן זיי די פאַרוואונדעטע יידן געהיילט און אויסגעהאַלטן אויף זייער אייגן געלט. זיי ווייזן אויך אָן אַנדערע, טעכנישע מאָטיוון. אָבער לויט אונדזער מיינונג האָבן דאָ געשפילט אַ ראָלע די לייכטערע וואוין־תנאים אין פראַגע, וואו די לעגאַלע אָרגאַניזירונג פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט ניט אָנגעטראָפן אויף אַזעלכע מניעות ווי אין וואַרשע.

3. דער סינדיק און זיינע מיטהעלפער

די מאַרשאַלעק־מאַכט, וואָס האָט געהאַט די הויפט־שליטה איבער די וואַרשעווער יידן, האָט בכן נישט דערלויבט צו גרינדן אַ יידישע קהילה אין וואַרשע. היות ווי עס זענען אָבער געווען אַ גאַנצע ריי ענינים פון דער יידישער באַפעלקערונג, וואָס עמעצער האָט זיך דאָך געמוזט פאַרנעמען מיט זיי, דעריבער זענען די מאַרשאַלקעס געווען געצוואונגען צו באַשאַפן אַן אייגענעם אויספיר־אַפּאַראַט וועלכער זאָל זיך מיט די דאָזיקע ענינים מתעסק זיין. דאָס איז געווען דער יידישער סינדיק מיט זיין פאַרצווייגטן אַפּאַראַט.

די מאַכט פון סינדיק האָט זיך אונטערגעשיידט פון דער מאַכט פון דער יידישער קהילה דערמיט וואָס דער סינדיק איז נאָמינירט געוואָרן דורך דעם מאַרשאַלעק און פאַר זיינע מעשים איז ער געווען פאַראַנטוואָרטלעך נאָר פאַר אים. די קהילה, אָבער, איז געווען אַ זעלבסט־פאַרוואַלטונג־אָרגאַן, איז געוויילט געוואָרן דורך די יידן און האָט געטראָגן די אחריות פאַר דעם יידישן ציבור.

ווען דער אמט פון סינדיק איז אויפגעקומען איז אין די אַקטן ניט פאַרצייכנט. די ערשטע ידיעה וועגן אַ יידישן סינדיק שטאַמט פון יאָר 1759, ד״ה נאָך פון די צייטן פון באַקאַנטן מאַרשאַלעק ביעלינסקי. מען דאַרף זיך משער זיין אַז ביעלינסקי, וואָס ווערט פאַררעכנט פאַר איינעם פון די בעסטע מאַרשאַלקעס פון וואַרשע, וועמען די הויפטשטאָט פאַרדאַנקט זייער אַ סך אין פרט פון אָרדענונג (33), האָט זיך אויך באַמיט צו מאַכן אַ סדר אין די ענינים פון די וואַרשעווער יידן. לאַנגע יאָרן האָט ער געפירט אַ קאַמף מיט די יידן אין וואַרשע און זיי אומברחמנותדיק געטריבן פון שטאָט; סוף כל

---

(24) דאַרטן נ׳ 1253, ז׳ 650, י׳ 1788, אַ בלאַט בוז וואַרשעווער גראַד נ׳ 16, י׳ 1783.

(25) עקאָנאָמישע אַקטן, נ׳ 1120, י׳ 1787 (יעקב בוים פון נאַשעלסק, „דער ייִדישער בעדער פון פראַגע״).

(26) פינאַנצאַקטן, אַפּט׳ 54, נ׳ 18, ז׳ 355־7, 302־3 (וואַרשעווער הויפט־אַרכיוו).

(27) דאַרטן נ׳ 1120, י׳ 1787.

(28) מעמאָראַנדומס צו דער פינאַנץ־קאָמיסיע 39, ז׳ 64, י׳ 1792 (פינאַנץ־אַרכיוו אין וואַרשע).

(29) עקאָנאָמישע אַקטן, נ׳ 1122, י׳ 1793.

(30) דאַרטן.

(31) אורטיילן פון דער וואַרשעווער יוריסדיקציע, נ׳ 173, ז׳ 50, 5/9 1796.

(32) די שחיטה, וואָס דאָס רוסישע חייל האָט געמאַכט אויף ייִדן אין 1794.

(33) איגנאַצי באַראַנאָווסקי : דער מאַרשאַלעק פראַנצישעק ביעלינסקי, וואַרשע 1919, זז׳ 16־17 (פויליש).

סוף האָט ער געמוזט איינזען אַז ס'איז אוממעגלעך איינצוהאַלטן דעם צושטראָם פון יידן אין דער הויפטשטאָט, וואָס מיט איר איז דאָס גאַנצע לאַנד געווען פאַרבונדן מיט טויזנטער פעדעם. אָפגעזאָגט זיך פון געדאַנק וועגן פאַרטרייבן אין גאַנצן יידן פון וואַרשע, האָט ער מסתמא באַשלאָסן אַריינצוברענגען אַ סדר אין דעם מצב פון יענער קאַטעגאָריע וואָס ער האָט איבער כמה טעמים געמוזט דערלויבן דאָ צו וואוינען. ער האָט זיי דעריבער דערלויבט אין די 60ער יאָרן צו אָרגאַניזירן זיך אין דער פאָרעם פון אַ קהילה, גלייכצייטיק אָבער האָט ער באַשטימט זיינעם אַ פאַרטרויאונגס־מאַן, דעם סינדיק, וועלכער זאָל אים מיטהעלפן ביים אָנווענדן די תקנות פון געזעץ לגבי די יידן פון דער הויפטשטאָט. ס'איז אויך נישט שווער צו טרעפן פון וואַנען עס נעמט זיך דער נאָמען „סינדיק”. אין וואַרשע האָבן אין 17טן יאָרהונדערט און שפעטער זיך אויפגעהאַלטן כסדר די שתדלנים פון וועד, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צו שטיין אין פאַרבינדונג מיט דער מאַכט, בפרט מיט דעם פינאַנץ־מיניסטער, אַכטונג צו געבן אַז די סיימען אין וואַרשע זאָלן ניט אָננעמען קיין געזעצן קעגן די יידן, וכדומה. די דאָזיקע שתדלנים, אָדער ווי זיי הייסן אין די לאַטייניש מקורים „סינדיקעס”, פלעגן פון די מלכים כסדר באַקומען פריווילעגיעס אויף וואוינרעכט אין וואַרשע. דער מאַרשאַלעק האָט זיך אַזוי אַרום צוגעוואוינט צו באַטראַכטן די סינדיקעס פאַר די פאַרטרעטערס פון די וואַרשעווער יידן.

די אויפגאַבעס פון סינדיק זענען געווען:

1) פאָליצייאישע. השגחה איבער דעם ניט־לעגאַלן אויפהאַלט פון יידן, קאַמף מיט פאַרברעכנס און שלעכטער אויפפירונג פון יידן מיט דער הילף פון „שמשים”, די באַהעלפערס פון סינדיק.

2) אַדמיניסטראַטיווע. אַדורכפירן די יידן־ציילונג, זאַמלען דאָס קאָפגעלט און אַנדערע שטייערן און אָפצאָלן, מיט דער הילף פון די כלי־קודש.

3) געריכטלעכע. דער סינדיק צוזאַמען מיט די פרנסים האָבן געבילדעט דעם אַ"ג „יידישן געריכט”, דורך דעם געשוואוירענעם איבערזעצער איבערגעזעצט פון יידיש אָדער העברעאיש אויף פויליש, אויפגענומען שבועות וכדומה.

4) רעליגיעזע. דער סינדיק האָט געפירט אַ רייסטער פון אַלע חתונות, גטן, בריתן, וכדומה.

5) קאָנטראָלירנדיקע. דער סינדיק האָט געהאַט השגחה איבער דער חברה־קדישא, און נאָך פאַרשיידענע אַנדערע פונקציעס.

די פאָליצייאישע. די אינסטיטוציע פון די סינדיקעס איז באַשאַפן געוואָרן ניט לטובת די יידן פון וואַרשע, נאָר ווי אַ געצייג קעגן זיי. וואָרעם ווער האָט דען געקענט בעסער פירן דעם קאַמף מיט די יידן, וואָס וואוינען אומלעגאַל אין וואַרשע, אויב נישט דער יידישער סינדיק? דעמאָלט איז אַזאַ מין קאַמף געווען אַ סך שווערער ווי היינט. קיין פאַמיליע־נעמען האָבן יידן ניט געהאַט, קיין מעלדונגס־פליכט און אַנדערע פאָרמען פון רעגיסטראַציע האָבן אויך נישט עקסיסטירט. ווי אַזוי־זשע האָט מען געקענט וויסן וועלכער פון די 10 אָדער 20 הערשקאָס צי מאָשקעס האָט יאָ רעכט און וועלכער האָט נישט קיין רעכט צו זיין אין וואַרשע? דער סינדיק מיט זיין שפיאָניר־אַפאַראַט, די אַ"ג „שמשים” szkolnicy, האָבן צום בעסטן געקענט אויספירן די דאָזיקע אַרבעט, און ווי עס ווייזט אויס האָבן זיי טאַקע בשלמות זי אויסגעפירט.

אַלע אינסטרוקציעס dyspozycje אָדער אָרדינאַציעס ordynacje פון די קרוין־מאַרשאַלקעס חזרן כסדר איבער אַז דער חוב פון סינדיק איז „אויסצוזוכן” (34) און צו מעלדן וועגן אַזעלכע יידן (פון די אומלעגאַלע) וואָס פאַרנעמען זיך מיט מעקלעריי, מיט גנבה, וואָס פאַרקויפן ביר, ווי אויך די וואָס האַלטן ביי זיך זונות, וואָס פאַרנעמען זיך מיט מלאכה, וואָס פאַרקויפן „טאַנדעט־סחורה”, אַא"וו. מיט איין וואָרט, דער סינדיק מיט זיינע משרתים האָבן אויסגעפירט פאָליצייאיש־אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס לגבי דער יידישער באַפעלקערונג.

אין די ווייטערדיקע אינסטרוקציעס ווערן די דאָזיקע פאָליצייאישע אויפגאַבעס אויסגעברייטערט: „דער סינדיק — שרייבט די מאַרשאַלעק־אָרדינאַציע פון יאָר 1788 (35) — דאַרף וויסן וועגן אַלע יידן וואָס האַלטן זיך אויף אין וואַרשע און איר געגנט, מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך און פון וואָס זיי לעבן. יעדערן וועמען ער איז חושד איז גנבה אָדער אין נישט האָבן קיין וואוינרעכט אין וואַרשע דאַרפן די שמשים כאַפן און אַריינזעצן אין דעם מאַרשאַלעק־טורעם”, וואו עס האָט זיך געפונען אַ תפיסה. דער צווייטער פונקט איז מחייב דעם סינדיק אַריינצושרייבן אין אַ ספעציעלן בוך אַלע דעקרעטן וואָס הייסן די יידן צו פאַרלאָזן וואַרשע. לויט די ווייטערדיקע פונקטן טאָר דער סינדיק ניט באַהאַלטן קיין חשודיקע פאַרזאָנען און נעמען פון זיי שוחד, ער דאַרף וועגן דעם גלייך אָפגעבן דעם מאַרשאַלעק אַ ראַפאָרט.

דער סינדיק טאָר זיך נישט פאַרלאָזן אויף די שמשים. ער דאַרף יעדע וואָך אַליין אַרומגיין איבער אַלע יידישע דירות און דאָרט אַליין זוכן „חשודיקע” יידן, זיי פאַרהאַלטן און איבערגעבן אין די הענט פון דער מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע. אַן אַנדער אינסטרוקציע, וואָס וועגן איר איז ניט זיכער צי זי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אָדער מען האָט זי נאָר צוגעגרייט, ליגט אַרויף אויפן סינדיק דעם חוב צו פירן אַ רשימה (dyarjusz) פון אַלע יידן וואָס קומען קיין וואַרשע, נאָך וואָס זיי קומען, מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך, וכדומה.

די השגחה איבער די חשודיקע, איבער גנבים, זונות און ענלעכע עלעמענטן, פאַרנעמט אַ היפש ביסל צייט און ענערגיע ביי די סינדיקעס, און דאָס איז געווען בעצם זייער וויכטיקסטע אַרבעט.

וואָס שייך די אַדמיניסטראַטיווע אויפגאַבעס פון סינדיק (פונקט 2), זענען זיי אין די 60ער יאָרן באַשטאַנען אין איינמאָנען דאָס קאָפגעלט פאַר דעם מלוכה־אוצר (36), שפעטער אין העלפן ביים איינמאָנען דעם דאָזיקן שטייער. זיין עובדא איז עס געווען צונויפצושטעלן אַ רשימה פון די וואַרשעווער יידן, ווי דאָס באַווייזן די העברעאישע רשימות וואָס זענען אויפגעהיט געוואָרן אין וואַרשעווער הויפטאַרכיוו (37).

די ציילונגען פון די וואַרשעווער יידן דורכן סינדיק אָדער מיט זיין באַטייליקונג פלעגן פאָרקומען צוליב צוויי צוועקן: כדי איינצומאָנען דאָס קאָפגעלט און צוליב קאָנטראָלצוועקן מצד דער מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע, וועלכע האָט געוואָלט פעסטשטעלן צי עס געפינען זיך נישט אין וואַרשע אַזעלכע יידן וואָס האָבן דערצו קיין רעכט נישט. אין ערשטן פאַל (ציילונג צוליב קאָפשטייער) האָט דער סינדיק, צוזאַמען מסתמא מיט די כלי־קודש, צונויפגעשטעלט רשימות פון די וואַרשעווער יידן. ביי די ציילונגען, צוליב קאָנטראָל, איז דער סינדיק געווען מחויב צונויפצושטעלן אַ רשימה פון די יידן, גלייכצייטיק האָבן עס געמוזט טאָן אויך די אייגנטימער פון די הייזער און הויפן, דערנאָך פלעגט מען פאַרגלייכן ביידע רשימות, צי זיי שטימען צווישן זיך. נאָך די צוויי ציילונגען פלעגן ערשט די לוסטראַטאָרס אַרומגיין איבער די הייזער, כדי צו קאָנטראָלירן צי די ידיעות זענען ריכטיקע. די רשימה פלעגט דער סינדיק צונויפשטעלן נישט אַרומגייענדיק איבער די הייזער, נאָר יעדער ייד איז געווען מחויב צו קומען צו אים און אָנגעבן אים אַלע פרטים וועגן זיך, זיין פאַמיליע וכדומה (38). די ציילונגען צוליב קאָנטראָל פלעגן איבערגעחזרט ווערן כמעט יעדעס יאָר — אַ סימן אַז זיי האָבן קנאַפ וואָס געהאָלפן און אַז מען האָט ניט קיין סך געקאָנט וויסן וועגן דער אמתדיקער צאָל יידן אין וואַרשע. איך רעכן אַז אויך דער פאָרשלאָג פון דעם אַ"ג „שטענדיקן ראַט” מען זאָל אומזיסט אַרויסגעבן בילעטן כדי צו דערגיין די צאָל יידן, האָט מסתמא אויך ווייניק געהאָלפן (39).

אויך די ציילונגען פון קאָפגעלט זענען ווייט געווען פון אמת. שוין ביי דער ערשטער ציילונג, וואָס דער סינדיק האָט אַדורכגעפירט אין 1764, איז דערגאַנגען צו אַ פראָצעס קעגן דעם סינדיק פסח חיימאָוויטש (40) וועגן אַ ריי נישט־פינקטלעכקייטן: די קאָמיסאַרן, וועלכע האָבן נאָכקאָנטראָלירט די ציילונג, האָבן פעסטגעשטעלט אַ

---

34) י. מ. (געוו' פאָליציי־דירעקציע) נ' 11, ז' 68, 1/10 י' 1784.

35) דאָרטן נ' 19, ז' 46, 7/20 י' 1788.

36) אורטיילן פון דער מאַרש' יוריסדיקציע, נ' 54, ז' 64, י' 1766.

37) פאַר"גל ד"ר ר. מאַהלער: העברעיִש־ייִדישע דאָקומענטן פון ייִדן־ציילונגען (ייִוואָ־בלעטער, ב' 3, נ' 3).

38) י. מ. נ' 42, ז' 231, י' 1778.

39) דעקרעטן פון דעם שטענדיקן ראַט, נ' 403, ז' 523, 11/11, י' 1777.

40) פינאַנץ־קאָמיסיע, אַפט' 55, Protokół sentencjonarza jurydycznego, י' 1764.

גרעסערע צאָל יידן איידער עס האָט אָנגעגעבן דער סינדיק, דהיינו — 235.

וואָס איז נוגע דעם פונקט 3 — די קאָמפעטענץ פון דעם יידישן געריכט, מיטן סינדיק בראש — וועלן מיר דאָס אַרומרעדן ווייטער.

צום פונקט 4. געוויסע קאָמפעטענצן האָבן די סינדיקעס געהאַט אויך אין רעליגיעזע ענינים. קיין שום רב האָט ניט געטאָרט צולאָזן אַ יידן אין וואַרשע צו חופה־וקידושין, כל זמן יענער האָט ניט געבראַכט קיין קוויטל פון סינדיק אַז ער האָט אַן עקסיסטענץ־מעגלעכקייט אין וואַרשע. פאַר אַזאַ קוויטל האָט דער סינדיק געמעגט נעמען אַ האַלבן גילדן (41). צו די רעכט פון סינדיק האָט אויך געהערט דאָס רעכט „צו באַשטימען יידן צו זיגלען כשרן וויין" (42), אויך פירן די ציווילאַקטן, ד"ה אַרויסגעבן חתונה־צייגענישן, גטן, וכדומה, האָט געהערט צו די אויפגאַבעס פון סינדיק, אייגנטלעך פון אַ באַזונדערן שמש. ביים סינדיק פלעגן אויך יידן לויט אַ באַשטימונג פון געריכט אָפגעבן שבועות (43).

צום פונקט 5. דער סינדיק האָט אויסגעפירט אַ קאָנטראָל איבער דער טעטיקייט פון דער חברה־קדישא. יעדע וואָך האָט ער געמוזט וועגן דעם צושטעלן אַ באַריכט צום מאַרשאַלעק (44) די חברה פלעגט אויך געבן מאַטעריעלע הילף די נויטבאַדערפטיקע אויפן סמך פון אַ קוויטל פון דעם סינדיק.

צום פונקט 6. מיט די אויסגערעכנטע אויפגאַבעס שעפן זיך נאָך נישט אויס די אויפגאַבעס פון די סינדיקעס. די מאַכט פלעגט זיי באַנוצן פאַר פאַרשיידענע צוועקן. ווי נאָר עס איז אויפגעשוואומען אַן ענין, וואָס מען האָט זיך געדאַרפט צוליב אים ווענדן צו דער יידישע באַפעלקערונג, פלעגט מען עס טון דורכן סינדיק. ווען בערעק יאָסעלעוויטש האָט בעתן אויפשטאַנד פון קאָשציושקאָ ווערבירט אָנהענגערס אין זיין יידישן רייטערפאָלק, האָט ער פאַרלאַנגט פון סינדיק אַ געהעריקע מיטהילף (45). ווען רייכע יידן האָבן קעגן די פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט אין דער צייט פון אויפשטאַנד געוואָלט אַרויספירן זייער צירונג און בכלל זייער פאַרמעגן און זייערע פאַמיליעס פון שטאָט, איז דער סינדיק געווען דער וואָס האָט זיי פאַרהאַלטן ביי די ראָגאַטקעס. דער סינדיק איז צוזאַמען מיט זיין שטאַב געווען פריי פון אויסקויפן טאָגצעטלעך. ער האָט זיך אויך לויט דער אָרדינאַציע פון יאָר 1788 נישט געטאָרט פאַרנעמען מיט קיין מסחרים און מיט שענקעריי.

דער סינדיק פלעגט באַקומען זיין געהאַלט ניט פון דער מאַכט, נאָר פון די פערזאָנען וואָס זענען צו אים געקומען אין דער אָדער יענער פראַגע. פאַר אַ פסק־דין — שרייבט די אָרדינאַציע — דאַרף דער סינדיק מיט זיינע „כלי־קודש" זיך באַנוגענען לויט די תקנות פון יידישן דין מיט דעם וואָס יעדער פון די צדדים וועט זיי גוטוויליק געבן. פאַר אַ שבועה אין יידישן געריכט קומט דעם סינדיק 1 גילדן מיט 15 גראָשן, פאַר אַ דאָקומענט אין העברעאיש און פויליש צוזאַמען מיטן שטעמפל־אָפצאָל קומט פון אַ גרעסערן פסק־דין 3 גילדן, פון אַ קלענערן — 2 גילדן. אין אַן אַנדער אינסטרוקציע רעדט זיך אַז דער סינדיק און די „כלי־קודש" טאָרן נישט נעמען קיין „מתנות" — אַ סימן אַז דאָס נעמען „מתנות" איז ביי זיי געווען שטאַרק פאַרשפרייט... די דאָזיקע „מתנות" טאַקע זענען ווייזט אויס געווען דער וויכטיקסטער הכנסה־קוואַל פון דעם סינדיק מיט זיין באַאַמטן־שטאַב. דאָס לייגט זיך אויפן שכל ווען מען דערמאָנט זיך אַז פון דעם סינדיק איז אין דער ערשטער ריי געווען אָפהענגיק דאָס וואוינרעכט אין וואַרשע פון טויזנטער יידן.

כדי יעדער ייד זאָל זיין באַקאַנט מיט דעם מאַרשאַלעקס „אָרדינאַציע", איז דער סינדיק געווען מחויב אַרויסצוהענגען זי אויף דער טיר פון זיין אַמט אין דער פוילישער און יידישער שפראַך.

---

41) י. מ. נ' 19, ז' 46, י' 1788.

42) דאָרטן, נ' 11, ז' 99, י' 1784, י. מ. נ' 19, ז' 46, י' 1788.

43) עקאָנאָמישע אַקטן, נ' 879, י' 1795, מענדל מינדלאָוויטש דערקלערט אַז ער איז שוין 10 יאָר געווען שמש ביים סינדיק און האָט געשריבן חתונה־קוויטן, גטן וכדומה.

44) י. מ. נ' 12, ז' 145, י' 1786.

45) וועגן דעם שרייב איך אויספירלעכער אין מיין אַרבעט „די יידן אין דעם אויפשטאַנד פון קאָשציושקאָ" (כתב־יד).

4. די טעטיקייט פון די וואַרשעווער און פראַגער סינדיקעס

די נעמען פון די יידישע סינדיקעס אין וואַרשע און אין פראַגע זענען אונדז כמעט אַלע באַקאַנט.

אין וואַרשע זענען געווען סינדיקעס:
פסח חיימאָוויטש פון אַפּט — פון 1759 ביז 1784, — אין יאָר 1765 — מאָשקאָ חיימאָוויטש פון וואָידיסלאָוו;
ברוך יאָעלעוויטש פון קאָנסטאַנטינאָוו — פון 1784 ביז 1788;
שמעון שמולעוויטש פון אַפּט — פון 1788 ביז 1793;
שלמה שאַיאָוויטש — פון 1793 ביז 1794;
יאַנקל מאָשקאָוויטש — פון אויגוסט 1794 ביז צום טאָג פון אויפשטאַנד אין פראַגע;

בערעק איצקאָוויטש — פון 1759 ביז 1766 (?);
זלמן לייזעראָוויטש — פון 1766 (?) ביז 1773;
וואָלף ליפאָוויטש פון לובאָמלע — פון 1773 ביז 1778;
לייזער קעלמאַנאָוויטש פון שידלאָוו — פון 1778 ביז 1784;
אייזיק שמערלאָוויטש — פון 1784 ביז 1793;
יעקב יאָעלעוויטש — 1794.

וועגן דער טעטיקייט פון די סינדיקעס איז פאַרבליבן אַ היפש ביסל מאַטעריאַל, וואָס וואַרפט זייער אַ טרויעריקע שיין אויף די דאָזיקע יידישע אַפּוטרופסים. גענוג צו זאָגן אַז כמעט קיין איינער פון זיי האָט נישט באַוויזן אָוועקצוגיין פון זיין אַמט בשלום: אַלע זענען זיי פון דעם מאַרשאַלעק אַראָפּגעזעצט געוואָרן נאָך איינעם אָדער עטלעכע קרימינאַל־ענינים. כמעט אַלע זענען זיי סוף כל סוף אַריינגעזעצט געוואָרן אין די תפיסות, אין וועלכע זיי האָבן הונדערטער און אפשר טאַקע טויזנטער יידן אַריינגעוואָרפן בעת זיי זענען געווען ביי דער מאַכט. די געוועזענע סינדיקעס האָבן געגראָבן אונטער די נייע, וואָס זענען געווען אין אַמט. עס האָבן זיך געשאָטן אַ צאָל מסירות, געבילדעט געוואָרן פאַרטייען, מען האָט אונטערגעקויפט עדות, זיך פאַרבונדן מיט גנבים — אַבי צו דיסקרעדיטירן און אַראָפּוואַרפן דעם סינדיק. מיט איין וואָרט — אַ מוראַדיק בילד פון געפאַלנקייט און דעמאָראַליזאַציע, אַ קנויל פון שרעקלעכער קאָרופּציע. אַ שוואַרץ בלעטל אין דער געשיכטע פון די וואַרשעווער יידן האָבן אַריינגעשריבן אָט די דאָזיקע יידישע „מושלים" מיט זייערע אונטערהעלפערס.

לאָמיר אָבער גיין כסדר און באַקאַנט מאַכן מיט די פאַקטן וועגן דער געבענטשטער טעטיקייט פון די דורכן מאַרשאַלעק גערזאַלבטע יידישע „מלכים", וואָס האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט דאָס לעבן און פאַרמעגן פון טויזנטער יידן אין וואַרשע.

דער ערשטער אין דער ריי איז פסח חיימאָוויטש (46) פון אַפּט. אַ פערטל יאָרהונדערט האָט געדויערט זיין ממשלה אויף דער יידישער גאַס. אויפן סמך פון די מאַטעריאַלן ווילן מיר דאָ געבן אַ בילד פון דעם דאָזיקן ערשטן סינדיק, וואָס האָט געהאַט אַ מיאוסן סוף.

פסח חיימאָוויטש האָט תחילת געפרואווט זיין גליק אין מסחר. אין יאָר 1762 (47) איז ער געווען ליוועראַנט פון דער רוסישער אַרמיי און האָט צוזאַמען מיט זיין שותף זענדלען פון סאַמבאָר געליווערט גערשטן און גרויפן אין רוסישן מאַגאַזין, האָט געמסחרט אויך מיט וויין און אַנדערע אַרטיקלען. ער איז געווען פאַרוויקלט אין סיכסוכים, און דער בעל־הבית פון הויף וואו ער האָט געוואוינט האָט ביי אים צוגענומען זיין פערד־און־וואָגן (48).

אין דער זעלביקער צייט דרייט ער זיך אַרום אין די געריכטן און פירט אויס פונקציעס פון אַ מסור. ער האָט אויסגעשפירט עפּעס אַ חטא פון עטלעכע מאָהילעווער קריסטלעכע סוחרים, האָט זיי געלאָזן איינזעצן און שפּעטער פאַרלאַנגט פון געריכט אַ היפשן חלק ווי דער הויפּט־מסור principalis delator (49). ער האָט אין זיינע מסחרים נישט קיין גרויס מזל, ער פאַרפּלאָנטערט זיך

---

46) מיר ברענגען דאָ דעם נאָמען — און אויך אַלע אַנדערע — אַזוי ווי זיי פיגורירן אין די פוילישע אַקטן; אין דער אמתן, נאַטירלעך, האָט ער געהייסן פסח חיימס אָדער פסח בר' חיים; דאָס אייגענע איז אויך מיט די אַנדערע.

47) אורטיילן פון דער מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע, נ' 48, ז' 20, י' 1762.

48) דאָרטן, נ' 44, ז' 53, י' 1759.

49) דאָרטן, נ' 48, י' 1762, ז' 53, דאָרטן, נ' 52 ז' 136.

עפּעס אין דער גרויס־פּוילישער שטאָט ליסע, וואָס אַהין איז ער מסתמא געפאָרן נאָך סחורה, און אַנטלויפט פון דאָרט קוים אַ לעבעדיקער (50). סוף כל סוף פאַרלאָזט ער זיינע מסחרים און באַקומט אין 1759 די שטעלע פון אַ סינדיק. אָבער אַ געוויסע צייט האָט זיך פּסח חיימאָוויטש אָפּגעזאָגט פון דעם אַמט און אויף זיין אָרט האָט דער מאַרשאַלעק ביעלינסקי באַשטימט איינעם משהקע (מאָשעק) דאַווידאָוויטש; געווען איז דאָס אין יאָר 1765, אָבער ווי לאַנג דאָס האָט געדויערט, איז אומבאַקאַנט. בכל אופן קערט זיך פּסח אום צוריק צו זיין שטעלע און „קעניגט" ביזן יאָר 1784.

יאָרן לאַנג גיט זיך אים איין אַרויסצודרייען זיך פון די באַשולדיקונגען אין פאַרשיידענע שווינדלערייען, ביז וואַנען דער עמער ווערט איבערפולט, און הגם ער האָט געהאַט ברייטע פּלייצעס ווערט ער סוף כל סוף דערווייטערט פון זיין אַמט און פאַרטריבן פון דער הויפּטשטאָט.

אין יאָר 1780 (51) ווערט ער באַשולדיקט אין באַנוצן זיך מיט נישט־געשטעמפּלטע ספרים; עס גליקט אים אָבער אָפּ זיך ריינצוּוואַשן. ווייטער: צוויי יידן פאַרקלאָגן אים אַז איבער אים זענען זיי אָן שום גרונד באַשולדיקט געוואָרן אין גנבה, אָבער אויך דאָס מאָל געראָט אים איבערצוציגן דאָס געריכט אין זיין אומשולד (52). וועלכער חטא האָט גורם געווען צו זיין גירוש פון וואַרשע, ווייסן מיר נישט. וועגן איינעם אַ זייער שווערן חטא זיינעם ווערן מיר יאָ געוואָר: ער ווערט נעמלעך באַשולדיקט אַז ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די מערדערס פון דעם טערקישן בירגער עמנואל מאַגאַרעט, וועלכער איז געהרגעט געוואָרן אין דער מאָלדאַוויע אין יאָר 1779; דער סינדיק ווערט דערפאַר פאַרמשפּט אויף 3 חדשים תפיסה און 1000 גריוונעס שטראָף. אָבער נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע איז אויסגעפירט געוואָרן. בלית־ברירה אַפּעלירט דער ברודער פון דעם דערהרגעטן צו דעם אויסערן־מיניסטעריום (דעפּאַרטאַמענט פאַר אויסערן־ענינים ביים „שטענדיקן ראַט") (53). דער ווייטערדיקער פאַרלויף פון ענין איז נישט באַוואוסט. חיימאָוויטש איז אויך געווען פאַרמישט אין אַ וועקסל־אַפערע. אַ גאַנצע גרופּע יידן איז באַשולדיקט געוואָרן אין פאַבריצירן פאַלשע וועקסלען. חיימאָוויטש האָט וועגן די פעלשונגען געוואוסט, אָבער באַקומען לאַיהרץ־געלט און האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק (54). מסתמא האָבן די דאָזיקע ביידע ענינים סוף כל סוף געבראַכט צו זיין דעמיסיע און גירוש פון וואַרשע.

נאָך זיין דעמיסיע נעמט ער נקמה פון זיין ממלא־מקום, פון דעם נייעם סינדיק ברוך יאָעלעוויטש. ער פאַרפּלאָנטערט אים אין אַן אַפערע, שטעלט צו פאַלשע עדות און דערפירט צו ברוכס דעמיסיע. אין דער דאָזיקער אַקציע קעגן דעם נייעם סינדיק העלפן אים זיינע פריינד ברוך פּינקוואַסאָוויטש און דוד זלאָטניק, ווי אויך דער גראָדזשיסקער רב אפרים. ברוך האָט אָבער די זאַך נישט פאַרשוויגן. ער האָט פאַרפירט אַ פּראָצעס קעגן חיימאָוויטשן און אין דעם אָנקלאָגאַקט באַשולדיקט ער אים אַז „מחמת דעם, וואָס מען האָט אים אָפּגעזאָגט פון סינדיקאַמט איז ער (פּסח) געווען מלא שנאה אויף ברוכן, ער האָט אים כסדר געסטראַשעט, געהעצט קעגן אים אַנדערע יידן, אָפּגעטאָן אים פאַרשיידענע שפּיצלעך; ער האָט אויך געוואָרנט יידן, וועלכע מען האָט געדאַרפט איינזעצן, און ביי זיך אויסבאַהאַלטן". דער פסק־דין איז פאַר חיימאָוויטשן געווען אַ האַרבער (55), מען האָט געמוזט ברוכן באַצאָלן 500 גריוונעס. דעם גראָדזשיסקער רב איז שטרענג פאַרווערט געוואָרן צו משפּטן סיכסוכים צווישן יידן.

שפּעטער, ווען חיימאָוויטש האָט זיך ווידער באַוויזן אין וואַרשע און דער מאַרשאַלעק האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט, האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז „ער מוז תיכּף פאַרלאָזן וואַרשע און טאָר זיך דאָ נישט באַווייזן, ביז וואַנען ער וועט נישט באַקומען קיין בפירושע געריכטלעכע אויפאָדערונג צו קומען קיין וואַרשע" (56).

נאָך אַן הפסקה פון 11 יאָר שווימט פּסח ווידער אַרויף אויף דער אייבערפלאַך פון געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן, דאָס מאָל שוין אויף גרויסע וואַסערן. אין יאָר 1791 שטייט ער בראש פון דער דעלעגאַציע פון די פּוילישע קהילות וואָס פירט אונטערהאַנדלונגען מיטן קעניגלעכן סעקרעטאַר, דעם איטאַליענער פּיאַטאָלי, וועגן דורכפירן רעפאָרמעס לטובת די יידן אין פּוילן, פאַרן פּרייז אַז יידן זאָלן דעקן די גאַנץ באַדייטנדיקע חובות פון דעם קעניג פּאָניאַטאָווסקי, וואָס האָבן אויסגעמאַכט אַן ערך 20 מיליאָן פּוילישע גילדן. פון די ראָקומענטן וואָס זענען פאַרבליבן פון יענע צייטן ווייזט זיך אַרויס אַז ער האָט געשפּילט די הויפּטראָלע אין דעם דאָזיקן נישט אין גאַנצן כשרן געשעפט. טרויעריק האָט דעמאָלט אויסגעזען די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין פּוילן, אויב פּסח חיימאָוויטש איז געווען דער ראש־המדברים אין נאָמען פון די פּוילישע קהילות... די דאָזיקע פאַרהאַנדלונגען מיט די הויכע פּענצטער האָבן אָבער ניט פאַרהיט פון רדיפות מצד דעם מאַרשאַלעק מנישעך Mniszech, וועלכער האָט אין אָנהייב 1792 אַרויסגעגעבן אַ נייע פאַראָרדענונג צו פאַרטרייבן די יידן פון וואַרשע, און אין איינעם מיט זיי אויך דעם הויפּט־פאַרהאַנדלער חיימאָוויטש. עס איז פאַרבליבן אַ בריוו פון פּסח חיימאָוויטשן, וואו ער קלאָגט זיך פאַרן קעניג אַז נישט געקוקט דערויף וואָס ער האַלט זיך אויף אין וואַרשע צוליב די אינטערעסן פון יידישן כלל, צווינגט מען אים צו פאַרלאָזן די שטאָט, וואו ער וואוינט שוין זינט 30 יאָר ווי אַ יידישער שתדלן. ער בעט דעם קעניג, ער זאָל אים אומקערן זיין הויז אין קאָזשעניץ, וואָס איז נאָך דער שריפה פאַרנומען געוואָרן דורך אַן אַנדערן יידן און שפּעטער איבערגעגעבן געוואָרן דעם קעניגלעכן אוצר. חיימאָוויטש האָט מסתמא נישט פאַרלאָזט וואַרשע, מחמת די גזירה פון גירוש אין דעמאָלט בטל געוואָרן מיט דער הילף פון קעניג, וועלכער האָט באַקומען פון די וואַרשעווער יידן בתור מתנה 40.000 גילדן (57). דערמיט ענדיקן זיך אונדזערע ידיעות וועגן פּסח חיימאָוויטשן.

ברוך יאָעלעוויטש (58) פון קאָנסטאַנטינאָוו, דער ממלא־מקום פון פּסח חיימאָוויטשן, האָט פאַרנומען דעם סינדיקשטול בסך־הכל 4 יאָר, פון 1784 ביז 1788. אָבער אויך זיין ממשלה איז פול מיט סקאַנדאַלן און אַפערעס. עס ווייזט צו זיין אַן אמת אַז ער און זיינע כאַהעלפערס האָבן געדעקט די גנבים וואָס האָבן באַגנבעט דעם קעניגלעכן שאַמבעלאַן מאַראַווסקי; ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די דאָזיקע גנבים און האָט פאַר „לאַפּקעגעלט" געלאָזט זיי אויף דער פריי, הגם ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט זיי צו כאַפּן, ווי דאָס וואַרפט אים פאָר פּסח חיימאָוויטש (59). ברוך יאָעלעוויטש האָט לאַנג די שטעלע פון סינדיק נישט פאַרנומען. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן אויף אים אָנקלאָגעס צו דעם קרוין־מאַרשאַלעק מצד באַוואוסטע יידן, און דער סוף איז געווען אַז ער איז אויך אַריינגעפאַלן אין תפיסה און אַראָפּגעזעצט געוואָרן פון זיין אַמט (60).

ווען אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ סינדיק שמעון שמולעוויטש חזרט זיך איבער די זעלביקע געשיכטע: דער אַראָפּגעזעצטער ברוך נעמט אָרגאַניזירן אַ קאַמפּאַניע קעגן דעם אויפגעקומענעם. ער שטעלט אַרויס עדות וואָס פאַרמישן דעם נייעם סינדיק און זיין איידעם אין אַן אַפערע פון פעלשערס פון געשטעמפּלטן פּאַפּיר. דער נייער סינדיק פאַרטיידיקט זיך און דערציילט אויס סודות פון חדר: בעת ברוך איז געווען סינדיק, האָט ער פון אים, שמעון שמולעוויטש, פאַרלאַנגט פאַר באַשטימען אים פאַר אַ געשוואָוירענעם איבערזעצער אַ גרויסע געלטסומע; ווען שמעון האָט דעם דאָזיקן אַמט באַקומען פון מאַרשאַלעק קעגן ברוכס ווילן, האָט יענער אים גענומען שיקאַנירן, רודפן און נישט געלאָזט אים אויספירן זיינע פליכטן ווי אַן איבערזעצער; ווייטער: ברוך האָט באַשטימט פאַר אַ „דיין" איינעם לייזער דעם מעקלער, הגם יענער איז געווען אַ גרויסער עם־הארץ און האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען אין יידישע דינים. מיט איין וואָרט — דאָס זעלביקע בילד פון קאָרופּציע און דעמאָראַליזאַציע.

ברוך, וואָס האָט שפּעטער געגראָבן אונטער שמעונען, איז אַליין אין דער גרוב אַריינגעפאַלן; ער ווערט באַשולדיקט אין פעל־

---

50) דעקרעטן פון דער מאַרש'־יורידיקציע, נ' 52, ז' 101, י' 1762.

51) פינאַנץ־קאָמיסיע, אָפּט' 15, נ' 17, י' 1780.

52) נאָטן פון דעם פינאַנץ־דעפּאַרטאַמענט פון דעם שטענדיקן ראַט נ' 28 Noty departamentu skarbowego Rady Nieustającej.

53) דאָרטן.

54) אַבלאַטן פון וואַרשעווער גראָד, נ' 14, ז' 475, י' 1782.

55) מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע, נ' 78, י' 1785.

56) י. מ. נ' 11, ז' 132, י' 1780.

57) די דאָזיקע ידיעות וועגן פּסח חיימאָוויטשעס באַטייליקונג אין דער באַרימטער אַקציע פון אויספועלן אַ רעפאָרם פון יידישן לעבן אין די צייטן פון פיריאָריקן סיים שעפּן מיר פון ד"ר נ. מ. געלבערטס אַרטיקל אין Miesięcznik Żydowski (Żydzi a zagadnienie reformy Żydów na Sejmie Czteroletnim). נ' 10, 1931, ז' 337; נ' 11, 1931, ז' 429, 434.

58) מסתמא: ברוך יואלס, אָדער ברוך בר' יואל.

59) מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע, נ' 78, י' 1785.

60) פינאַנץ־קאָמיסיע, אָפּט' 54, נ' 29, ז' 201.

שן געשטעמפלט פאַפיר. אין יאָר 1792 באַמיט ער זיך צוריק צו באַקומען די שטעלע פון אַ סינדיק; אין זיין בקשה גיט ער זיך אָן פאַר גאָט די נשמה שולדיק: „ער איז דערווייטערט געוואָרן פון סינדיקאַט דורך יידישע רשעות און גענג, ווייל ער האָט נאָכשפיאָנירט גנבים און צונויפגעשטעלט רשימות פון יידן״ (61). ברוך יאָעלעוויטש האָט ווי אַ סינדיק געמאַכט זייער גוטע געשעפטן: שוין אין דריטן יאָר פון זיין אַמט איז ער געווען ביכולת צו שליסן מיטן טראַקער וואָיעוואָדע אַן אָפמאַך וועגן דינגען זיין הויף אין וואַרשע פאַר אַ יערלעכער סומע פון 8.000 גילדן (62). ניט לאַנג אָבער האָבן געדויערט די גוטע יאָרן: ווי אַלע סינדיקעס האָט ברוך יאָעלעוויטש געמוזט אָפּריכטן גלות אין תפיסה.

וועגן דעם ווייטערדיקן סינדיק שמעון שמולעוויטש פון אָפּט איז קיין סך נישט באַוואוסט. ער איז געווען סינדיק בסך־הכל פינף יאָר: 1788—1793. זיין געזעלשאַפטלעכע קאַריערע האָט ער אָנגעהויבן ווי אַ געשוואוירענער איבערזעצער פון דער מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע (63) און איבערזעצער ביי דעם פראַגער סינדיק. ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט איינמאָנען אייניקע שטייערן. פונקט ווי די אַנדערע סינדיקעס איז אויך שמולעוויטש אַריינגעפאַלן אין תפיסה אונטער דער באַשולדיקונג אַז ער מיט זיין איידעם יאָסעק זאָלן האָבן אַ שייכות צו אַ באַנדע פעלשערס פון געשטעמפלט פאַפיר און גאָלדשווינדלערס (obrzynanie złota) . אין יאָר 1788 האָט מען אים אַרויסגעלאָזט פון תפיסה אויף קויציע (64), מיט אַ יאָר שפעטער (65) איז ער נאָך אַ שבועה אין גאַנצן באַפרייט געוואָרן.

דער פערטער וואַרשעווער סינדיק לויט דער ריי האָט געהאַט אַ קורצע, דערפאַר אָבער שטורמישע קאַדענץ. דאָס איז געווען שלמה שאַיאָוויטש. זיין שטעלע האָט ער פאַרנומען פון יאָר 1793 ביז דעם 2טן אויגוסט 1794, ד״ה ביז צום קאָשציושקאָ־אויפשטאַנד, ווען ער איז, מסתמא איבער פאָליטישע טעמים, באַזייטיקט געוואָרן. אָבער במשך פון דער קורצער צייט האָט ער באַוויזן דערפירן צו אַ פראָצעס קעגן זיך (66). אַלע יידן האָבן זיך אויף אים געקלאָגט. „ער איז אַן עם־הארץ — האָט מען געשמועסט — פאַרשטייט גאָרנישט אין רעליגיעזע ספרים, ער קען אפילו נישט אָנשרייבן קיין פסק־דין און קען אים אפילו ניט דורכלייענען. אַז עס קומט צו אַן ענין פון 2 רויטע גילדן באַלאַמוטשעט ער צוויי און מער וואָכן״. ער ווערט אויך באַשולדיקט אין אַרויסגעבן חשודיקע באַשטעטיקונגען. זיין וויצעסינדיק לעוועק דאַווידאָוויטש פון סאָכאַטשעוו געהערט גאָר פון פאַך נישט צו די לומדים, נאָר צו די בלעכערס; ער באַהאַלט אויס גנבים און חשודיקע פערזאָנען וכדומה. מיט איין וואָרט — ווידער קאָרופציע און דעמאָראַליזאַציע.

דער לעצטער וואַרשעווער סינדיק, יאַנקל מאָשקאָוויטש, איז גלייך נאָך דעם דורכפאַל פון אויפשטאַנט אַנטלאָפן און זיין אָרט האָט פאַרנומען שלמה שאַיע אָדער שאַיאָוויטש.

די פראַגער סינדיקעס האָבן אויך אַ היפש ביסל חטאים אויף זייער געוויסן. וואָלף לייבאָוויטש פון לובאָמלע האָט אין יאָר 1773 באַקומען זיין אַמט אויפן סמך פון דער רעקאָמענדאַציע פון דער וועגראָווער קהילה. די פראַגער יידן, וואָס איבער זיי האָט ער געוועלטיקט, באַהאַנדלט ער זייער שלעכט און שלאָגט זיי פשוט מכות רצח. ער האָט צום ביישפיל אַזוי צעשלאָגן דעם פראַגער אַרענדאַר מענדל אַז דאָס געריכט האָט אים פאַרמשפט צו אַ געלטשטראָף (67). דער גנב לעוועק פון שעברעשין האָט דערציילט אַז דער סינדיק וואָלף האָט אים ביי זיך אין שטוב געשלאָגן און צוגענומען די זאַכן (68). דאָס געריכט האָט אויך פעסטגעשטעלט אַז וואָלף לייבאָוויטש האָט זיך צוגענומען אַ פרעמדן פוטער, און געהייסן דעם סינדיק אומקערן דעם אייגנטימער דעם ווערט פון פוטער (69). עס זענען געווען נאָך אַנדערע אַזעלכע חטאים, און וואָלף לייבאָוויטש איז מסתמא אויך אַוועק פון זיין שטעלע ניט מיטן גוטן ווילן.

נאָך אים איז געווען לייזער קעלמאַנאָוויטש. ער האָט געהאַט אויף זיין קאָנטאָ נאָר איין פראָצעס: מען האָט אים באַשולדיקט אַז ער האָט גענומען 15 רויטע גילדן ביים שעדלעצער שניידער הערש, וועמען מ׳האָט געכאַפט ביי אַ גנבה. דער סינדיק ברענגט אָבער קריסטלעכע עדות אַז די גביות־עדות פון די יידן זענען פאַלשע, מחמת זיי זענען אים שונאים, און נאָך אַ שבועה ווערט ער באַפרייט (70). נאָך אים קומט דער סינדיק אייזיק שמערלאָוויטש, וועלכער האָט פאַרנומען די שטעלע פון 1784 ביז 1793. לויט ווי עס באַשטעטיקן דריי דיינים, האָט שמערלאָוויטש ניט נאָר גוט געקענט לשון־קודש, „נאָר, וואָס ס׳איז אַ זעלטנהייט ביי יידן, ער האָט אויך געקענט גוט איבערזעצן פון העברעאיש אויף פויליש״ (71). אָבער אויך אייזיק האָט געהאַט אויף זיך עטלעכע פראָצעסן פאַר קאָרופציע. אַזוי ווערט אין 1789 פאַרפירט קעגן אים אַ פראָצעס אַז ער האָט זיך צוגענומען איינעם פון די דריי אָקסן וואָס מ׳האָט געפונען נאָך אַ גנבה (72). דאָס געריכט באַפרייט דעם סינדיק; פון דעסט וועגן ווערט ער שפעטער דערווייטערט פון זיין שטעלע. עס האָבן נישט געהאָלפן די טענות אַז ער האָט זייער פלייסיק אויסגעפירט זיינע התחייבותן: „אַ טייל האָבן איבער אים דאָס לעבן פאַרלוירן, אַנדערע זענען געזעסן אין תפיסה אין קאָמענדאַנטפאָדאָליער, אַ גרויסער טייל זענען צוליב אים פאַרטריבן געוואָרן״. און באמת אַ סך פון זיינע ברידער זענען צוליב אים פאַרטריבן געוואָרן פון וואַרשע (73), אָבער זיין שטעלע פון סינדיק האָט ער צוריק ניט באַקומען.

צוקוקנדיק זיך צו די טרויעריקע פאַקטן וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט וועגן די יידישע סינדיקעס, קען מען פאַרשטיין די ווערטער פונעם מחבר פון „קאַטעכיזם״ (74), הגם ער איז געווען אַן אַנטיסעמיט, אַז אַ סינדיק איז „אַ גנב פון העכסטן ראַנג״. מיר וועלן אויך פאַרשטיין די ווערטער וואָס דער וואַרשעווער דאָקטאָר, דער אָנהענגער פון רעפאָרמעס פאַר יידן און גוטער קענער פון יידישן לעבן, דער באַקאַנטער זשאַק (יעקב) קאַלמאַנזאָן (75), האָט געשריבן וועגן די סינדיקעס:

L'intérêt de la nation Juive reclame la même sévérité contre les sindics, qui semblent, ainsi que les rabins, ne se proposer d'autre objet, que d'asservir toutes les corporations, de les retenir dans la dependance et de s'enrichir a leurs depens”.

אמת איז אַז דער מחבר האָט דערמיט געמיינט די שתדלנים — סינדיקעס אין פוילן בכלל. עס ליגט זיך אָבער אויפן שכל אַז שרייבנדיק די דאָזיקע ווערטער האָט קאַלמאַנזאָן אין דער ערשטער ריי אין זינען געהאַט די דערמאָנטע אפילו אין דער ליטעראַטור באַקאַנטע וואַרשעווער סינדיקעס. בעת זיין אויפהאַלט אין וואַרשע האָט ער זיך מיט זיינע אייגענע אויגן געקענט איבערצייגן וואָס פאַר אַ צרה עס זענען געווען די סינדיקעס פאַר דעם וואַרשעווער יידנטום.

5. דעם סינדיקס געהילפן

דער באַאַמטן־אַפּאַראַט פון סינדיק איז געווען אַ גענוג גרויסער. ער איז באַשטאַנען פון אַזעלכע קאַטעגאָריעס:

1) שמשים; szkolnicy
2) דיינים; duchowni
3) איבערזעצער פון העברעאיש און יידיש אויף פויליש; tłumacz przysięgły

---

(61) עקאָנאָמישע אַקטן, נ׳ 1253, 6/30 1792.
(62) אַבלאַטן פון וואַרשעווער גראָד, נ׳ 28, י׳ 1787.
(63) פינאַנץ־קאָמיסיע, אָפּט׳ 54, נ׳ 29, פ׳ 201.
(64) עקאָנאָמישער פראָטאָקאָל Protokół ekonomiczny. נ׳ 25, ז׳ 445, י׳ 1788 (וואַרשעווער פינאַנץ־אַרכיוו).
(65) פינאַנץ־קאָמיסיע, אָפּט׳ 54, נ׳ 27, ז׳ 330, י׳ 1789.
(66) עקאָנאָמישע אַקטן, נ׳ 874.
(67) דעקרעטן פון דער מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע, נ׳ 62, ז׳ 285, י׳ 1775.
(68) דאָרטן, נ׳ 69, י׳ 1779.
(69) דאָרטן, י׳ 1778.
(70) מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע, נ׳ 69, י׳ 1781.
(71) י. מ. נ׳ 11, ז׳ 73, י. 1784.
(72) מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע, נ׳ 78, י׳ 1789.
(73) עקאָנאָמישע אַקטן, נ׳ 1253, 18/6 1794.
(74) „קאַטעכיזם וועגן יידן און משומדים״ Katechizm o Żydach i neofitach.
(75) וואַרשע 1796. J. Calmansohn, Essai sur l'etat actuel des juifs de Pologne et leur perfectibilite,

די שמשים זענען געווען די דירעקטע אויספירערס פונעם סינדיקס באַפעלן, למשל נאָכצושפּיאָנירן די גנבים און חשודיקע פּערזאָנען, און זענען געווען די היטער פון דער עפנטלעכער אָרדע־נונג. זייער אַ סך רעדט זיך אין די מקורים וועגן די עוולות פון די שמשים. די שמשים זענען נישט געווען בעסער ווי זייערע ברויט־געבערס.

די שמשים פלעגן פונאַנדערטראָגן לאַדרעצטלען awizacje אין יידישן געריכט און באַקומען דערפאַר „שכר" (76). נאָמינירן און אָפּזאָגן די שמשים האָט געקענט נאָר דער סינדיק, ער האָט אָבער געמוזט וועגן דעם מודיע זיין דעם מאַרשאַלעק. לויט דער אָרדינאַציע פון יאָר 1788 זענען געווען 6 שמשים. גלייך נאָך דעם אונטערגאַנג פון פוילן אין 1795 (77), האָט שוין דער סינדיק 11 שמשים, דערביי ווערן 5 אָנגערופן „שמשים ביי די דיינים", און 5 „שמשים אויף זוכן גנבות". ס'דוכט זיך אַז די איינטיילונג פון די שמשים אין צוויי קאַטעגאָריעס — אין אייגנטלעכע שמשים און שמשים־פּאָליציאַנטן, גנבים־זוכערס — איז געווען אויך אינעם אומאָפּהענגיקן פוילן. פאַר אַ באַווייז קען אונדז דינען דער פאַקט וואָס איין שמש דערקלערט אַז במשך פון 10 יאָר איז ער געווען באַשעפטיקט ביים סינדיק מיט פאַרשרייבן חתונות, גטן וכדומה; הייסט עס אַז די איינטיילונג אין באַזונדערע קאַטעגאָריעס האָט עקסיסטירט נאָך פאַרן יאָר 1795.

די דיינים. זייער צאָל האָט לויט דער אָרדינאַציע פון יאָר 1788 באַטראָפן 4. לויט אַ צווייטער אינסטרוקציע (אָן אַ דאַטע) האָבן געזאָלט זיין נאָר 3 דיינים, און פאַקטיש איז טאַקע אַזוי גע־ווען.

די אויפגאַבעס פון די דיינים זענען געווען פאַרשיידנאַרטיקע און זייער ברייטע, דהיינו: 1) געריכטלעכע, 2) מאָראַליש־רעליגיע־זע, 3) קאָנטראָלירנדיקע: א) איבער דער טעטיקייט פון סינדיק און פון די שמשים, ב) קאָנטראָל איבער דער רשימה פון די אריין־און אַרויס־פאָרנדיקע; 4) קוואַליפיצירנדיקע: א) אַרויסגעבן קוואַ־ליפיקאַציע־צייגענישן פאַרן סינדיק, ב) קוואַליפיקאַציע־צייגענישן פאַר עדות, 5) פאַרשיידענע הילפספונקציעס ביים סינדיק.

די געריכטלעכע פונקציעס (פונקט 1) ווערן אַרומגערעדט ווייטער.

צום פונקט 2. די דיינים האָבן געהאַט השגחה איבער דעם מאָראַלישן מצב פון דער יידישער באַפעלקערונג; זייער אויפגאַבע איז געווען צוציען צום געריכט יענע וואָס האָבן עובר געווען אויף די מאָראַלישע געזעצן, און אויך אַכטונג געגעבן אויף דער רשימה פון די צוגעפאָרענע יידן, וואָס דער סינדיק איז מחויב געווען צו פירן, און אויף זייערע פרנסות, אויפפירונג, וכדומה.

צום פונקט 3. אויף וויפל די דיינים באַמערקן אַז די רשימה פון סינדיק איז נישט קיין ריכטיקע, אָדער אַז דער סינדיק מיט די שמשים היטן נישט אָפּ זייערע התחייבותן, זענען זיי מחויב צו מעלדן וועגן דעם דער מאַכט. דעריבער מוז דער דיין יעדן טאָג דורכקוקן דעם סינדיקישן רייסטער און אונטערשרייבן אים.

צום פונקט 4. צו די אויפגאַבעס פון די דיינים האָט אויך גע־הערט אַרויסצוגעבן די קאַנדידאַטן אויף דעם אַמט פון אַ סינדיק אַמט צייגענישן אַז זיי האָבן יענע קוואַליפיקאַציעס וואָס פאָדערן זיך פון אַ סינדיק, דהיינו: די באַהאַוונטקייט אין יידישע דינים, אויך די קענטעניש פון דער פוילישער שפּראַך (78).

מחמת דער שטאַרקער פאַרשפּרייטקייט פון די א"ג „יאָר־עדות" אויך אין יענע צייטן איז באַשלאָסן געוואָרן אַז קיין שום ייד טאָר נישט אָנגענומען ווערן פאַר אַ עדות אין געריכט, סיידן ער ברענגט אַ באַשטעטיקונג פון סינדיק און פון די דיינים אַז עדות־זאָגן איז נישט זיין פּראָפעסיע, ד"ה אַז ער איז נישט קיין יאָר־עדות. די אָרדינאַציע פון יאָר 1788 באַשטימט אַז אַרויסגעבן אַ צייגעניש דעם חתן אַז ער האָט עקסיסטענץ־מעגלעכקייט און ממלא מעג ער חתונה האָבן האָט רעכט דער סינדיק. די אָרדינאַציע פון פּרעזידענט זאַקזשעווסקי (אָן אַ דאַטע) באַשטימט אַז טאָן דאַרפן עס דער סינדיק מיט די דיינים.

צום פונקט 5. דער פונקט פון דער אָרדינאַציע (אָן אַ דאַטע) באַשטימט אַז אויסער דער געריכטלעכער פונקציע זענען די דיינים מחויב צו קומען צו הילף דעם סינדיק אין אַלע אַנדערע ענינים. אויף יעדער פאַרבעטונג פון שמש דאַרפן זיי זיך גלייך שטעלן צום סינדיק.

דאָס רעכט צו נאָמינירן די דיינים האָט געהאַט דער סינדיק. אין פאַל ווען ער האָט געוואָלט אַדורכפירן געוויסע ענדערונגען אין דעם באַשטאַנד פון די דיינים איז ער מחויב צו מעלדן וועגן דעם דעם מאַרשאַלעק מיט אַ געהעריקער מאָטיווירונג.

צו דער דריטער קאַטעגאָריע באַאַמטע פון סינדיק געהערן די געשוואָוירענע איבערזעצערס. זייער אויפגאַבע איז געווען איבער־צוזעצן פאַר פּריוואַטע פּערזאָנען אַקטן פון העברעאיש און יידיש אויף פויליש; די דאָזיקע איבערזעצונגען האָבן געטראָגן אַן אָפי־ציעלן כאַראַקטער. זיי האָבן אויך געדאַרפט איבערזעצן אַלע פּסק־דינים פון יידישן געריכט וואָס זענען געגאַנגען אויף באַשטעטיקונג צום מאַרשאַלעק (79), און בכלל אַלע באַשטעטיקונגען פון די יידישע אינסטאַנצן. דער האָנאָראַר פון איבערזעצער האָט, לויט דער אָרדינאַציע פון יאָר 1784, באַטראָפן צוויי גילדן פון אַ בויגן פוילישער כתב, אָבער נאָר פון פאַרמעגלעכע. דער איבערזעצער פלעגט באַנוצט ווערן אויך פאַר אַנדערע עפנטלעכע פונקציעס, ווי למשל ביים אַדורכפירן די ציילונג פון יידן אין צוזאַמענהאַנג מיטן קאָפּשטייער (80), ביים איינמאָנען שטייערן אויף אויסבויען אין וואַרשע (81) קאַזאַרמעס וכדומה.

געוויינטלעך פלעגן די געשוואָוירענע איבערזעצערס ביי די סינדיקעס אויספועלן אַז אויך אַנדערע אַמטן זאָלן זיי אָנגאַזשירן פאַר איבערזעצערס. אַזוי למשל האָט דער זייער רירעוודיקער שמעון שמולעוויטש, וואָס איז תחילת געווען אַ געשוואָוירענער איבער־זעצער און שפּעטער געוואָרן אַ סינדיק, דערגרייכט אַז אויך די פינאַנץ־קאָמיסיע האָט אים אָנגאַזשירט פאַר אַן איבערזעצער, דער־ביי האָט ער אויסער זיין אַרבעט אין געריכט פון דער פינאַנץ־קאָ־מיסיע געדאַרפט אויך דורכקוקן די יידישע ספרים און לוחות וואָס זענען געבראַכט געוואָרן צום אָפּשטעמפּלען אין דער צאָלקאַמער; ער האָט באַדאַרפט פעסטשטעלן, צי נאַרט מען נישט אָפּ דעם מלו־כה־אוצר דערמיט, למשל, וואָס עטלעכע טיילן פון איין ספר — זאָגן מיר פון חומש — ווערן אָנגעגעבן ווי איין ספר (82). אַ צווייטער איבערזעצער, שמואל וואָלפאָוויטש, איז געווען אָנגעשטעלט ביים סינדיק און אויך ביי דער פינאַנץ־קאָמיסיע (83), אונדז זענען באַ־קאַנט די נעמען נאָך פון צוויי אַנדערע איבערזעצערס ביי די סינ־דיקעס: לייזער קעלמאַנאָוויטש (אפשר דער געוועזענער פּראַגער סינ־דיק) און אברהם מייעראָוויטש, ביידע אין יאָר 1794 (84).

אַז מיר ריידן שוין וועגן איבערזעצערס, ווילן מיר דערמאָנען די נעמען פון צוויי אַנדערע יידישע אָפיציעלע איבערזעצערס וואָס ווערן אין די אַקטן דערמאָנט: שלמה קאַלמאַנזאָן, דער איבערזע־צער פון דער פּאָליציי־קאָמיסיע (85), מיט אַ יערלעכער פּענסיע פון 2.000 גילדן, און שמעון איזראַעלעוויטש פון זשוואַניעץ, אי־בערזעצער פון טערקיש אויף פויליש (86).

6. די יידישע יוריסדיקציע אין וואַרשע

די יידישע יוריסדיקציע אין וואַרשע איז אַדורכגעגאַנגען צוויי פּאַזעס: 1) פון די 60ער יאָרן פון 18טן י"ה ביז צום יאָר

---

(76) אויב דאָס איז געווען ווייַט פון שטאָט לעבן די „אָקאָפּעס" אָדער אויפן שילעין — פלעגן זיי באַקומען 20 מעשענע גראָשן, אין נענטערע ערטער — 1 גילדענעם גראָשן. אויב דער שמש האָט די פּערזאָן נישט געטראָפן און געמוזט קומען אַ צווייט מאָל, האָט ער נישט געקענט דערפאַר פאַרלאַנגען אַ צווייט מאָל באַלוינונג.

(77) עקאָנאָמישע אַקטן, נ' 874, פון 14 אָקט' 1795

(78) י. מ. נ' 11, ז' 3, י' 1784.

(79) פינאַנצאַקטן, אָפּט' 54, נ' 29, ז' 201.

(80) מעמאָראַנדום צו דער פינאַנץ־קאָמיסיע, נ' 34, ז' 343.

(81) פינאַנצאַקטן, אָפּט' 54, נ' 29, ז' 201.

(82) עקאָנאָמישער פּראָטאָקאָל. נ' 23, ז' 350, י' 1786.

(83) דאָרטן, נ' 25, ז' 462, י' 1788, מעמאָראַנדים נ 34, ז' 343.

(84) עקאָנאָמישע אַקטן, נ' 1117, י' 1794.

(85) פּאָליציי־קאָמיסיע פון ביידע פעלקער נ' 149, י' 1791.

(86) עקאָנאָמישע אַקטן, נ' 1118, י' 1794.

1784; 2) פון 1784 ביז 1795. די ערשטע פּאַזע איז אונדז באַקאַנט נאָר פון די געריכטסאַקטן, דאָס מיינט פון דער פּראַקטיק. עס זענען אונדז אָבער נישט באַקאַנט די פאַראָרדענונגען פון דער מאַרשאַלעק־מאַכט וועגן דער יוריסדיקציע פון יענער צייט. וועגן דער צווייטער תקופה זענען פאַראַן הן אָרדינאַציעס פון דעם מאַרשאַלעק, הן פּראַקטישע ביישפּילן. קיין שטאַרק גרויסער חילוק צווישן דער ערשטער און צווייטער תקופה איז אין דעם פּרט נישט געווען; אין דער צווייטער תקופה לאָזט זיך מערקן אַ שטאַרקע אריינמישונג פון דער מאַרשאַלעק־מאַכט אין די ענינים פון יידישן געריכטס־וועזן, בעת אין דער ערשטער לאָזט זיך דאָס נישט פעסטשטעלן.

עס האָבן אין יענער צייט פאַר יידן עקסיסטירט צווייערליי געריכטן: sąd ordynacyjny

א) אַ בית־דין sąd sendyka אָדער דאָס געריכט פון סינדיק, אויך גערופן sąd duchowny żydowski

ב) אַ בוררות־געריכט sąd kompromissarski

דאָס בית־דין איז באַשטאַנען פון דעם סינדיק און 3 דיינים. דאָס דאָזיקע געריכט האָט געמשפּט: 1) רעליגיעזע ענינים, 2) ענינים וואָס זענען אָפּגעשיקט געוואָרן פון די מלוכישע געריכטס־אינסטאַנצן (ווי למשל פון מאַרשאַלעק־געריכט, פון געריכט פון געשוואָוירענע און אַנדערע) דערפאַר וואָס די ענינים האָבן געדאַרפט געמשפּט ווערן לויטן יידישן דין. אויסער דעם האָבן צום סינדיק־געריכט געהערט (87) ענינים פון גנבות, אָנפאַלן, אַבאָרטן, געלטפעלשונגען און אַנדערע קרימינעלע פאַרברעכנס. צום סינדיק־געריכט פלעגן זיך אויך ווענדן קריסטן וואָס האָבן אָנגעקלאָגט יידן. דאָס רוב זענען עס געווען פאַלן פון מאַטעריעלע תביעות, ווי ענינים פון חובות, משכנות וכדומה.

אין ענינים ביז ר״ג (רויטער גילדן — 18 פּוילישע גילדן) איז דאָס סינדיק־געריכט געווען די לעצטע אינסטאַנץ און מען האָט נאָך דעם געריכט נישט געקענט אַפּעלירן צו דעם מאַרשאַלעק־געריכט, ביי ענינים איבער ר״ג איז די אַפּעלאַציע דערלויבט געווען.

די צדדים האָבן געהאַט רעכט צוצוגעבן צו איין „פריינד״ פון יעדן צד, וועלכע האָבן צוזאַמען מיטן סינדיק און די דיינים אַרויסגעטראָגן דעם פּסק־דין. דער באַשטאַנד פון דעם סינדיק־געריכט איז תחילת געווען ניט קיין שטענדיקער, ד״ה דער סינדיק פלעגט זיך צו יעדן ענין נעמען ספּעציעלע דיינים. שפּעטער איז באַגרענעצט געוואָרן דאָס דאָזיקע רעכט. דער צוזאַמענשטעל איז געוואָרן אַ סטאַבילער און איז פאַרפיקסירט געוואָרן דורכן מאַרשאַלעק, וועלכער האָט באַשטימט די דיינים. אַלע אורטיילן פון דעם סינדיק־געריכט פלעגן אָנגענומען ווערן מיט אַ מערהייט שטימען, ביי אַ גלייכקייט פון שטימען פלעגט דער סינדיק אַריבערוועגן.

דאָס בוררות־געריכט איז באַשטאַנען פון סינדיק מיט די בוררים; אין די 80ער יאָרן איז דער סינדיק נישט געשטאַנען בראש פון בוררות־געריכט. די צדדים פלעגן אויסקלייבן צו צוויי בוררים פון יעדן צד, דעם סופּער־אַרביטער (דעם שלישי) פלעגט מען באַשטימט דורך אַ גורל (87 ביס). עס פלעגט אין יענע צייטן טרעפן אַז דער סינדיק איז געווען דער סופּער־אַרביטער און די צדדים פלעגן זיך אויסקלייבן צו 2 דיינים (88).

צי די בוררים האָבן געדאַרפט האָבן ספּעציעלע קוואַליפיקאַציעס, איז נישט באַוואוסט. באַוואוסט איז אָבער אַז בעת די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען פלעגן די צדדים אונטערשטרייכן אַז זייערע בוררים זענען „באַהאַוונט אין יידישע ענינים״ negotiorum judaicorum gnaros sive eruditos (89). דער שכר פאַר פּסקענען איז נישט געווען באַשטימט, די צדדים האָבן געקענט געבן דעם שכר לויט זייער איינזען. מיט דעם געלט האָבן זיך געטיילט דער סינדיק מיט די דיינים, דערביי האָט דער סינדיק באַקומען אַ העלפט פון דער סומע, די צווייטע העלפט האָבן באַקומען די דיינים.

דער סינדיק האָט געמוזט פירן צוויי פּראָטאָקאָל־ביכער: אַ פּראָטאָקאָל־בוך פון די פּסק־דינים protokół dekretowy און אַ פּראָטאָקאָל־בוך פון דער אויספאָרשונג protokół inkwizycyjny די פּראָטאָקאָל־ביכער זענען געווען נומערירט און די צאָל זייטן איז געווען באַשטעטיקט דורכן ריכטער פון מאַרשאַלעק־געריכט. ביידע ביכער זענען געפירט געוואָרן אין 2 שפּראַכן: פּויליש און יידיש. צום סוף פון די ביכער האָט זיך געפונען אַן אינדעקס פון די פּסק־דינים serjarz dekretów דאָס געריכט איז מחויב געווען דורכצולייענען דעם עדות זיינע דערקלערונגען און דערנאָך האָט ער דאָס געדאַרפט אונטערשרייבן. אויך די פּסק־דינים האָט איינער פון די דיינים געדאַרפט קודם אַריינשרייבן אין פּראָטאָקאָל, אַלע ריכטער האָבן אים דערנאָך אונטערגעשריבן און ערשט שפּעטער פלעגט מען דעם פּסק דורכלייענען פאַר די צדדים. קעגן דעם פּסק־דין האָט מען געקענט אַפּעלירן צום מאַרשאַלעק אין משך פון 3 טעג נאָכן אַרויסטראָגן דעם אורטייל.

אַלע אָרדינאַציעס פון דעם מאַרשאַלעק באַשטימען אַז דער סינדיק האָט נישט קיין רעכט צו שטערן די צדדים זיך אויסצוגלייכן. אַן אויסנעם זענען נאָר קרימינעלע ענינים, ביי וועלכע עס איז נישט דערלויבט קיין אויסגלייך

syndyk zaś w sprawach żadnych prócz kradzieży, rozboju i innych kryminaluych, zgody dobrowolnej stronom bronić niema.

אויך די דאָזיקע הסכמות און באַשלוסן פלעגן פאַרשריבן ווערן אין די פּראָטאָקאָל־ביכער.

אין דער אָרדינאַציע פון 1784 ווערט אין אַלגעמיין באַשטימט אַז קיין שום סיכסוך צווישן יידן טאָר נישט געמשפּט ווערן דורכן סינדיק־געריכט אָן דער דערלויבעניש פון דער מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע. אַלע פּסק־דינים וואָס זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן אָן דער דערלויבעניש פון דעם מאַרשאַלעק ווערן באַטראַכט פאַר נישט גילטיק און די וואָס האָבן געפּסקנט, ווערן שטרענג באַשטראָפט.

די מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע, וואָס צו איר האָט מען געהאַט, ווי שוין אָנגעוויזן, דאָס רעכט צו אַפּעלירן ביי אַ סומע פון מער ווי 1 ר״ג, פלעגט די פּסק־דינים פון יידישן געריכט אַ מאָל באַשטעטיקן און אַ מאָל אָפּוואַרפן. אַזוי למשל באַשטעטיקט דאָס מאַרשאַלעק־געריכט דעם פּסק פון יידישן געריכט קעגן מענדל יאַקובאָוויטש פון לענטשיץ, וואָס ווערט באַשולדיקט אין פאַרנעמען זיך פּראָפעסיאָנעל מיט פאַלש עדות־זאָגן. אין אייניקע פאַלן אַנולירט דאָס מאַרשאַלעק־געריכט דעם משפּט פון יידישן געריכט און באַשטימט אַ נייע אויספאָרשונג (90).

אַז מיר רעדן וועגן די געריכטן פאַר יידן, איז כדאי דאָ צו דערמאָנען די רבנים וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין יענער צייט אין וואַרשע און האָבן זיך דאָ פאַרנומען מיט פּסקענען שאלות און אויסגלייכן סיכסוכים, וואָס דאָס איז געווען קעגן דעם געזעץ. נישט אומזיסט קלאָגט זיך דער וואַרשעווער סינדיק אין זיין ווענדונג צום קרוין־מאַרשאַלעק אַז די רבנים דערוועגן זיך געהיים צו באַנוצן זיך מיט דער מאַכט וואָס איז ביי זיי צוגענומען געוואָרן. (91).

דער ערשטער רב וואָס קערט וועלטן אין וואַרשע אין די 60ער יאָרן און פאַרנעמט זיך אַגב־אורחא אויך מיט פאַרשיידענע עסקים איז נאָטע (אָדער נאָטע הערשקאָוויטש) ווי ער רופט זיך אין די אַקטן (92), דער פּעטריקאָווער רב. גלייכצייטיק באַווייזט זיך אין וואַרשע דער לעלאָווער רב פּסח (93) און דער קאָזשעניצער רב (94). אין די 80ער יאָרן הערט מען אין וואַרשע וועגן גראָדזשיסקער רב אפרים, וועמען דאָס מאַרשאַלעק־געריכט פאַרווערט צו משפּטן סיכסוכים אין וואַרשע; וועגן דעם קאָרטשעווער רב און דעם דאָמבראָווער רב אלכסנדר סענדער פון אַפּט. וועגן דעם לעצטן לייענען מיר,

---

87) דעקרעטן פון דער מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע, נ׳ 56, ז׳ 49, י׳ 1768.

87 ביס) פינאַנץ־קאָמיסיע, נ׳ 57, י׳ 1768־69.

88) דעקרעטן פון דער מאַרש׳־יוריסדיקציע, נ׳ 49, י׳ 1763.

89) דאָרטן, נ׳ 63, ז׳ 294, י׳ 1784.

90) י. מ. נ׳ 11, ז׳ 99, י׳ 1784.

91) דעקרעטן פון דער מאַרש׳־יוריסדיקציע, נ׳ 52, ז׳ 165, י׳ 1763; דאָרט, נ׳ 55, ז׳ 172, י׳ 1767; דאָרט, נ׳ 49, י׳ 1763.

92) דאָרטן, נ׳ 48, ז׳ 164, י׳ 1762.

93) דאָרטן, נ׳ 51, י׳ 1764.

אַז ער האָט אַ נאָענטע שייכות צו אַ ניט־כשרן עסק פון שמואל זביטקעווער מיט נאָך עטלעכע רייכע יידן (95).

אין די 90ער יאָרן ווערט דערמאָנט דער גראָדנער רב אברהם־יעקב, וועמען די אַקטן שטעלן ארויס אין נישט קיין שיינעם ליכט. (96). אין יענע יאָרן געפינען זיך אין ווארשע אויך דער אינאָווראצלאווער רב אוויגדור חיימאָוויטש, וואָס שרייבט זיך אביגדור אב״ד בלובמלא, דער נאדאזשינער רב זעליק מענדלאָוויטש (97), דער שעדלעצער רב מאיר לעווקאָוויטש (98), און דער רב פון קאמענעץ־ליטעווסק בענעט אבראמאָוויטש (99).

אין פּראגע קענען מיר נאָך איין רב בערקאָ. וועגן שעיהלע פראָגער אָדער חריף זענען נישט פאראַן קיין שום אָפּקלאַנגען אין די דאָקומענטן.

---

94) נאָכפּריַיסישע אַקטן, נ׳ 487.

95) פינאַנצאַקטן, אָפּט׳ 54, נ׳ 28, ז׳ 256, י׳ 1793.

96) עקאָנאָמישע אַקטן, נ׳ 1123, י׳ 1794.

97) עקאָנאָמישע אַקטן, נ׳ 7119, י׳ 1794.

98) דאָרטן.

99) ד״ר י. שיפּער: צו דער געשיכטע פון ראַבינאַט אין וואַרשע פון מיטן 18טן י״ה ביז צום טויט פון דוב בער מיַיזעלס (כתב־יד).

די דאָזיקע אַרבעט איז געשריבן אויפן סמך פון אַרכיוו-מקורים און נאָר אין אייניקע ערטער פאַררופן מיר זיך אויך אויף געדרוקטע מקורים. זי איז אַ טייל פון דעם צווייטן באַנד פון דער געשיכטע פון די יידן אין וואַרשע (1527 - 1725).

זע מיין אַרטיקל אין די „היסטאָרישע שריפטן״, ב׳ 1 (1929; אויספיר־לעכער אין מיין אַרבעט.
Żydzi w Warszawie od czasów najdawnieszych do roku 1527
וואַרשע, 1932.

אַרויסגענומען פון „היסטאָרישע שריפטן", צווייטער באַנד, היסטאָרישע סעקציע בײַם „ייִוואָ", ווילנע 1937.



יידישע גאַסן־הענדלער אין וואַרשע אין דער ערשטער העלפט פון 19טן י״ה, (בילד פון א. פּיוואָרסקי)

מ. זאַקס (בוענאָס־איירעס)

דער קאָשציושקאָ-אויפשטאַנד און די ייִדישע באַטייליקונג אין קאַמף קעגן דער צעטיילונג פון פּוילן

קאָשציושקאָס העלדישער אויפשטאַנד אין יאָר 1794, שוין ערב דער לעצטער צעטיילונג פון אַמאָליקן פּוילן, איז אויסגעפאַלן אין אַ ביטערער צײַט פאַרן לאַנד. די שווערע לאַגע האָט זיך נישט גענומען מיט אַ מאָל, נאָר איז געווען אַ פּועל יוצא פון אַ דורות לאַנגען פּאָליטישן כאָאָס, בײַ רעגירונגען מיט קעניגן בראש, וואָס זענען אַליין געווען אומזעכטיק קעגן די תקיפותדיקע מאַגנאַטן, וועלכע האָבן זיך נישט גערעכנט מיטן ווילן פון קעניג און האָבן אָפט מאָל געהאַט אייגענע אַרמייען — שטאַרקערע און בעסער אָרגאַניזירטע ווי די מלוכה־אַרמיי. דער פּוילישער מלוכה־סיסטעם איז געווען אַ מאָנאַרכיסטישער, אָבער מיט אַ געוויילטן קעניג, וואָס האָט גאָרנישט געקענט טאָן אָן דער הסכּמה פון דער געזעצגעבערישער איינסטאַנץ — דעם סיים. מ׳דאַרף אָבער נישט מיינען אַז דער סיים האָט פאַרטראָטן די גאַנצע באַפעלקערונג פון לאַנד. פאַרטרעטערס צום סיים האָבן בלויז געקענט שיקן די אַדללייט, די „שליאַכטע", אָבער נישט די שטאָטישע איינוווינערס, די „מיעשטשאַנעס" און זיכער נישט די פּויערים וואָס זענען אונטער דער „פּאַנשטשיזנע" געווען דאָס לײַב־אייגנטום פון די פּריצים. פאַקטיש זענען אָבער די דעהזאָגער אין סיים געווען די מעכטיקע מאַגנאַטן, וואָיעוואָדעס און העטמאַנען און זיי האָבן געהאַט צו זייער דינסט די קליינע אָדער פאַראָרעמטע שליאַכטע וואָס איז אָפט געווען בײַ זיי אויף קעסט און אויך גענאָסן פון זייער שוץ. אַזאַ גרויסער מאַגנאַט, — וואָס האָט געקענט זײַן דער אייגנטימער נישט נאָר פון דערפער, נאָר פון גאַנצע שטעט, — האָט זיך אַפילו נישט געדאַרפט מטריח זײַן צו קומען אין סיים, אויב ער האָט נישט געהאַט קיין חשק, ווײַל דורך זײַנע מענטשן האָט ער געקענט אַרויסברענגען פּראָיעקטן צו באַהאַנדלען און באַקעמפן אַנדערע וואָס האָבן אים נישט געלוינט. פאַרן גרויסן פּריץ האָט נישט עקסיסטירט אַזאַ זאַך ווי די לוינבאַרקייט פאַרן לאַנד און אויב עפּעס איז נישט געווען אין זײַנע אינטערעסן האָט ער עס מיט אַלע מיטלען באַקעמפט. אַגב האָבן זיי אַפילו געקענט שאַפן אייגענע געזעצן אין זייערע שטעט און דערפער ווי די אײַנוווינערס זענען געווען זייערע אונטערטאַנען און יעדער מאַגנאַט האָט געקענט האַלטן אַז „דאָס לאַנד איז ער" און דעריבער דאַרפן אָנגענומען ווערן נאָר זײַנע פאָרשלאַגן ... די גרעסטע צרה וואָס האָט פּאַראַליזירט די אַרבעטס־פעיִקייט פון סיים, איז געווען דאָס וועטאָרעכט פון יעדן סיים־מיטגליד („ליבערום וועטאָ"), וואָס האָט נישט דערלאָזט עס זאָל אָנגענומען ווערן אַפילו דער נויטווענדיקסטער פּראָיעקט.

מען דאַרף אָבער צוגעבן אַז אין די פריערדיקע צײַטן האָט מען בײַ דרינגענדיקע פּראָיעקטן נישט באַנוצט דאָס וועטאָרעכט און מ׳האָט אַלע מאָל געפונען אַ וועג ווי אַזוי איבערצוצייגן די קעגנערס עס זאָל דערגרייכט ווערן די איינשטימיקייט פאַר אַ וויכטיקן געזעץ־פּראָיעקט.

דאָס אײַנפירן אַן אומבאַגרענעצט וועטאָרעכט איז אַנטשטאַנען אויפן סמך פון דער פאַלשער הנחה אַז פרײַהייט קען נישט דולדן קיין שום צוימען. דער קליינער שליאַכטשיץ האָט געהאַלטן אַז „אויף זײַן פאָלוואַרק איז ער גלײַך צום וואָיעוואָדע" און דער וואָיעוואָדע, אָדער מאַגנאַט האָט זיך באַטראַכט גלײַך צום קעניג און האָט אויך געהאַלטן פאַר באַרעכטיקט צו האָבן אַן אייגענע אַרמיי, אַליין אויסצוטיילן גערעכטיקייט און נישט אָנקומען צו קיין געריכט און בכלל זיך נישט אונטערוואַרפן קיין שום הערשנדיקע געזעצן. דאָס האָט דערפירט צו אַנאַרכיע און ווילקיר, צו קעגנזײַטיקע איבערפאַלן און בלוטיקע קאַמפן צווישן קעגנערישע צדדים. און כאַראַקטעריסטיש איז, אַז דאָס האָט גורם געווען בײַ דער שליאַכטע אַ באַזונדערע „לעבנס־פילאָסאָפיע" לויט וועלכער פּוילן עקסיסטירט טאַקע אַ דאַנק דער אומאָרדענונג, אַ דאַנק אומפאַראַנטוואָרטלעכער הפקרדיקער אַנאַרכיע. אין פּויליש האָט עס זיך אויסגעדריקט אין דעם זאָג: „פּאָלסקאַ ניעזשאָנדעם סטאָי!" און מען האָט טאַקע אַרגומענטירט אַז נאָר צוליב איר שוואַכקייט קען זיך אויפהאַלטן פּוילן, ווײַל אַזוי האָבן די שכנישע מלוכות קיין מורא נישט פאַר איר און האָבן נישט קיין סיבה צו פירן מיט איר מלחמות ... אין 17טן יאָרהונדערט איז דאָס הפקרות דערגאַנגען ביז לאָזן זיך אונטערקויפן פון אויסלענדישע מאַכטן און פאַרראַטן דאָס פאָטערלאַנד, אָבער דאָס איז געווען די אַרבעט פון די מעכטיקע הארן, און קיין מאָל נישט פון די פאָלקסמאַסן. דאַן האָבן די מאַגנאַטן זיך אויך אָנגעהויבן צו באַנוצן מיטן וועטאָ אין סיים, אַפילו בלויז צוליב אייפערזוכט צו אַן אַנדערן מער אײַנפלוסרייכן מאַגנאַט, אָדער צום קעניג, אויב ער האָט געהאַט אויף זײַן זײַט די עפנטלעכע מיינונג פון לאַנד. צום ערשטן מאָל איז באַנוצט געוואָרן אין סיים דער וועטאָ בעת דאָס לאַנד האָט זיך געפונען אין אַ געפערלעכער לאַגע — דעם 9טן מאַרץ 1652. דאָס האָט געטאָן דער רעפּרעזענטאַנט שיטשינסקי אויפן באַפעל פון זײַן האַר — דעם גרויסן העטמאַן פון ליטע, ראַדזשיוויל. דער סיים האָט דאַן געמוזט איבערגעריסן ווערן און מען האָט נישט געקענט באַשטימען צו פאַרגרעסערן די אַרמיי, וואָס איז געווען אַ דרינגנדיקע נויטווענדיקייט אין אַ מאָמענט ווען דאָס לאַנד האָט זיך געפונען אין מלחמה מיט כמיעלניצקין און עס איז אויך געווען אַ מלחמה־געפאַר מצד מאָסקווע און טערקיי(1) דאָס איז דאַן באַטראַכט געוואָרן ווי אַ האַנדלונג לטובת פּוילנס שונאים און ווי אַ פאַרראַט צום אייגענעם לאַנד. ס׳ברעכן אויס פּויערים־אויפשטאַנדן אין אוקראַינע, אין קרוין־פּוילן, און כּדי זיי צו דערשטיקן שיקט רוסלאַנד מיליטער אויף דער ביטע פון די מאַגנאַטן (אין יאָר 1768).

אין 18טן יאָרהונדערט איז די לאַגע געוואָרן נאָך ערגער. עס איז געוואָרן אַ געוויינלעכע זאַך אַז מאַגנאַטן זאָלן אָננעמען מתּנות פון אויסלענדישע מאַכטן און די אַמבאַסאַדאָרן פון פּעטערבורג און בערלין האָבן באַקומען וואָס אַ מאָל אַן אַלץ גרעסערן איינפלוס אויף די פּוילישע רעגירערס, ביז עס איז דערגאַנגען צו דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן אין יאָר 1772. די איניציאַטיוו פאַר דער צעטיילונג איז געקומען מצד דעם פּרײַסישן קעניג פרידריך דעם צווייטן, וואָס האָט געמאַכט דעם פאָרשלאַג דער רוסישער צאַרין יעקאַטערינע, און ס׳איז נאָך צו דעם צוגענומען געוואָרן אַלס שותּף עסטרײַך. דאָס אָפּרײַסן מיט געוואַלד גרויסע שטיקער טעריטאָריע פון פּוילן האָט זיך גענייטיקט אין דער לעגאַליזירונג פון סיים, וואָס איז צוליב דעם פאַררופן געוואָרן אויפן 19טן אַפּריל 1773. די האָפענונג פון די פּאַטריאָטן איז געווען אַז דורך אַ וועטאָ וועט מען צו נישט מאַכן דאָס גוטהייסן די צעטיילונג. עס איז אָבער דערצו נישט געקומען, ווײַל די מאַגנאַטן וואָס האָבן זיך געשטעלט צו דינסט די אינוואַדירערס פון פּוילישער טעריטאָריע, האָבן זיך

---

(1) פאַלן פון איבעררײַסן די סיים־באַראַטונגען דורך באַנוצן זיך מיטן וועטאָרעכט זענען שוין אויך געווען פריער, אָבער בלויז אין פרידנסצײַט ווען עס איז נישט געווען קיין דירעקטע געפאַר פאַרן לאַנד.

באַנוצט מיט אַ פּראָצעדור וואָס מאַכט ווערטלאָז דעם וועטאָ. לויט דער פּוילישער קאָנסטיטוציע פון יענער צײַט האָט דער סיים זיך געקענט פאַרוואַנדלען אין אַ געזעצגעבערישער קערפּערשאַפט דורכצופירן אַ ספּעציעלן ענין. אין דער דאָזיקער קערפּערשאַפט אָדער „קאָנפעדעראַציע” ווי זי האָט געהייסן, איז נישט געווען אַנווענדבאַר דאָס וועטאָרעכט. אויפן גלײַכן וועג וואָלט, אָבער, די מאַגנאַטן נישט געווען מעגלעך צו שאַפן די קאָנפעדעראַציע און דעריבער האָבן זיי עס דורך זייערע מענטשן דורכגעפירט אויסער די מויערן פון סיים.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָזיקן אײַנפיר, איז אָט דער פאַקט: ווען די רעפּרעזענטאַנטן זענען שוין געווען פאַרזאַמלט אין סיים האָט זיך מיט אַ מאָל באַוויזן דער דעפּוטאַט פּאָנינסקי מיטן מאַרשאַלעק־שטעקעלע אין האַנט, כאָטש דער סיים האָט אים נישט אויסגעוויילט פאַר מאַרשאַלעק (פּאָרזיצער). ער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן שטעקן אין דער ערד און אויסגערופן: „איך לייג אָפּ די זיצונג ביז מאָרגן, איך בעט אַרויסגיין”. עס איז געוואָרן אַ טומל און די מערהייט רעפּרעזענטאַנטן זענען אַרויס. רעיטאַן און נאָך צוויי דעפּוטאַטן האָבן אויפגעפאָדערט די פאַרזאַמלטע צו פאַרבלײַבן און אויסוויילן אויפן געזעצלעכן וועג אַ מאַרשאַלעק. מען האָט זיי אָבער נישט געהערט און זיי זענען געווען די איינציקע וואָס זענען פאַרבליבן אין באַראַטונג־זאַל. אויפן צווייטן און דריטן טאָג האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע סצענע און יעדעס מאָל זענען די דרײַ געווען די איינציקע וואָס זענען פאַרבליבן אין באַראַטונגס־זאַל. אויפן צווייטן און דריטן טאָג האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע סצענע און יעדעס מאָל זענען די דרײַ געווען די איינציקע וואָס זענען פאַרבליבן. ווען עס זענען אַ דורך די דרײַ טעג בעת וועלכע מען האָט געדאַרפט אויסוויילן אַ מאַרשאַלעק, האָט שוין רעיטאַן געמוזט אויפגעבן דעם קאַמף.

דער סיים, פאַרוואַנדלט אין אַ קאָנפעדעראַציע מיט פּאָנינסקין בראָש האָט באַשטעטיקט די ערשטע צעטיילונג פון פּוילן. פּאָנינסקי האָט דערנאָך פון יעקאַטערינען באַקומען דעם טיטל פירשט און אַ פּענסיע פון 3000 דוקאַטן אַ חודש.

שוין בײַ דער ערשטער צעטיילונג האָבן די אומצופרידענע צווישן דער שליאַכטע געפּרוּווט זיך קעגנשטעלן די פאַרקויפטע מאַגנאַטן דורכן שאַפן די אַזוי גערופענע „באַרסקער קאָנפעדעראַציע” וואָס איז אָבער דורכגעפאַלן נישט האָבנדיק די שטיצע פון די פּויערים און שטאָטלײַט. פּוילישע פּאַטריאָטן, וואָס האָבן געטראַכט וועגן ראַטעווען דאָס לאַנד פון פולשטענדיקן אונטערגאַנג, האָבן אײַנגעזען אַז פריִער פאַר אַלעם איז נייטיק צו רעפאָרמירן די קאָנסטיטוציע, אַז עס זאָל אָפּגעשאַפט ווערן דער וועטאָ, אָבער די רוסישע צאַרין האָט גאַראַנטירט אַז עס וועט גאָרנישט געענדערט ווערן אין הערשנדיקן סיסטעם, ווײַל עס האָט איר געלוינט די עקסיסטירנדיקע אַנאַרכיע. דערצו האָט דער לעצטער פּוילישער קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט אין אַלעם אויסגעפאָלגט די צאַרין און זאָל אַפילו האָבן געווען אויסגעהאַלטן פון איר. אָבער אין יאָר 1788 איז ספּעציעל פאַררופן געוואָרן דער סיים, כדי צו רעפאָרמירן די קאָנסטיטוציע און דערמעגלעכן דאָס פאַרגרעסערן די אַרמיי. כדי נישט צו דערלאָזן דער סיים זאָל אויפגעריסן ווערן, איז ער גלײַך נאָכן אויסוויילן אַ מאַרשאַלעק פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנפעדעראַציע. באַלד איז אויך באַשטימט געוואָרן צו פאַרשטאַרקן די אַרמיי און צושטעלן די נייטיקע פאָנדן פון שטייערן פאַר איר אויסהאַלט. פיר יאָר האָט אָנגעהאַלטן דער סיים און עס איז רעפאָרמירט געוואָרן די קאָנסטיטוציע אין זין פון אָפּשאַפן דעם וועטאָ און אָננעמען באַשלוסן מיט אַ מערהייט שטימען. דעמאָלט זענען אויך אָפּגעשאַפט געוואָרן פרײַע וואַלן פון אַ קעניג און די קאָנפעדעראַציעס גופא, וואָס האָבן זיך אָפט פאַרוואַנדלט אין בלוטיקע קאַמפן.

אין פאַרגלײַך מיט דער פריערדיקער קאָנסטיטוציע איז די קאָנסטיטוציע פון דריטן מײַ 1791 געווען אַ סך ליבעראַלער, כאָטש זי האָט דעם פּויער די לאַגע נישט פאַרבעסערט. אָבער די מאַגנאַטן און העטמאַנען איז זי נישט געווען צום האַרצן און דעם 4טן מײַ 1792 זענען זיך אין פּאָטאָצקיס אײַגענער שטאָט, טאַרגאָוויצע, צונויפגעקומען עטלעכע מאַגנאַטן מיט דער שליאַכטע וואָס איז זיי געווען אונטערגעוואָרפן און האָבן דאָרט געשאַפן אַ קאָנפעדעראַציע צו „פאַרטיידיקן די אַמאָליקע פּוילישע פרײַהייטן” און מ'האָט אויך געבעטן די „מיטהילף” פון דער צאַרין יעקאַטערינע. דער אַקט פון דער „טאַרגאָוויצער” קאָנפעדעראַציע איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פריִער אין פּעטערבורג דורך 14 פאַררעטער וואָס אין זייער שפּיץ זענען געשטאַנען דער קרוינהעטמאַן בראַניצקי, דער פעלדהעטמאַן זשעוווּסקי און דער גענעראַל פּאָטאָצקי. אויף זייער רוף איז די צאַרין געקומען צו הילף דורך אַרײַנשיקן אין לאַנד אַ גרויסע אַרמיי און די פאַררעטערס פון טאַרגאָוויצע האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אין דער צאַרישער אַרמיי, כדי „צוריקצושטעלן די אָרדענונג”. מאַסנווײַז זענען דעמאָלט אַרײַנגעטראָטן אין דער נאַציאָנאַלער אַרמיי די פּאַטריאָטן כדי צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם שונא.

פלוצלונג איז מען געוווּיר געוואָרן אַז דער קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט איז צוגעשטאַנען צו דער קאָנפעדעראַציע, ווײַל ער האָט שוין סיי ווי געהאַלטן אַלץ פאַר פאַרלוירן, און ער האָט געהייסן דעם מיליטער גלײַך אָפּשטעלן דעם קאַמף. באַקאַנטע מיליטערישע אָנפירערס, ווי קאָשציושקאָ און פירשט יוזעף פּאָניאַטאָווסקי, האָבן אַלס פּראָטעסט דימיטירט און זענען אָפּגעפאָרן קיין אויסלאַנד. קורץ נאָך דעם האָבן רוסלאַנד און פּרײַסן דורכגעפירט די צווייטע צעטיילונג פון פּוילן (אין יאָר 1793). דעם 17טן יוני 1793 איז פאַררופן געוואָרן דער סיים, שוין נישט אין וואַרשע, נאָר אין גראָדנע, כדי צו באַשטעטיקן די נײַע אַנעקסיעס פון רוסלאַנד און פּרײַסן. דאָס איז געווען דער לעצטער סיים פון אַמאָליקן פּוילן. אָבער דאָס מאָל שטעלן די רעפּרעזענטאַנטן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, נישט געקוקט אויף דעם וואָס די געבײַדע איז געווען אַרומגערינגלט מיט רוסיש מיליטער און וואָס אַ סך דעפּוטאַטן זענען אַרעסטירט געוואָרן. מיט גרויסע שוועריקייטן איז ענדלעך די צווייטע צעטיילונג באַשטעטיקט געוואָרן דורכן סיים, אָבער די פּוילישע פּאַטריאָטן מיט קאָשציושקאָן בראָש האָבן אונטערגענומען אַ פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד.

די שווערע לאַגע וואָס דאָס לאַנד האָט איבערגעלעבט אין יענעם מאָמענט איז ווינציק וואָס פאַרגרינגערט געוואָרן דורך די אָנגענומענע רעפאָרמען פון 4יאָריקן סיים. אגב זענען זיי אויך געקומען צו שפּעט און האָבן נישט באַוויזן דורכגעפירט צו ווערן אין לעבן. לויט דער נײַער קאָנסטיטוציע האָט מען געדאַרפט פאַרגרעסערן די רעגולערע אַרמיי אויף 100.000 מאַן, און עס זענען שוין אַפילו באַשטימט געוואָרן די שטײַערן צו פינאַנצירן דעם פּראָיעקט. דאָס איז געווען דער ערשטער פאַל אין דער געשיכטע פון פּוילן וואָס מען האָט געוואַגט אַרויפצולייגן שטײַערן אויף דער שליאַכטע און אויפן קלער, וואָס זענען געוווינט געווען אַז דער גאַנצער שטײַער־לאַסט זאָל פאַלן אויף די פּויערים און אויף די שטאָטישע אײַנוווינער, באַזונדערס אויף די ייִדן. אין אַכט נעמענדיק אַז די פּוילישע אַרמיי אונטער דער הערשאַפט פון סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי האָט געציילט בלויז 12.000 מאַן, בעת די אַרומיקע פײַנדלעכע מלוכות האָבן געהאַט ריזיקע אַרמייען (פּרײַסן 145.000, עסטרײַך 200.000, רוסלאַנד 300.000), זעט מען ווי דרינגענדיק עס איז געווען דאָס פאַרגרעסערן די צאָל מיליטער. די שליאַכטע האָט געדאַרפט צאָלן אַ צענטל פון אירע רווחים און דער קלער אַ צוואַנציקסטל, אָבער ביידע האָבן אָנגעגעבן פאַלשע חשבונות און דער סוף איז געווען אַז די אַרמיי איז נישט געשאַפן געוואָרן. אָבער שוין בלויז די צוגעזאָגטע רעפאָרמען פון „גרויסן סיים” און די פּראָפּאַגאַנדע פון די אָנהענגער פון דער קאָנסטיטוציע פון 3טן מײַ, און באַזונדערס דער פּאַטריאָטישער רוף פונעם אָנפירער פון אויפשטאַנד טאַדעוש קאָשציושקאָ — וועלכער האָט דערוועקט גרויס ענטוזיאַזם נישט נאָר בײַ דער פּאַטריאָטישער און נישט־פאַרמעגלעכער שליאַכטע און בײַ די שטאָטישע אײַנוווינערס, וואָס האָבן טאַקע געוואָנסן פון דער קאָנסטיטוציע, נאָר אויך בײַ די בעוולטע פּויערים און רעכטלאָזע ייִדן — האָבן גורם געווען אַ גרויסן צופלוס פון פרײַוויליקע פון אַלע שיכטן וואָס האָבן זיך געשטעלט אונטער די באַפעלן פון קאָשציושקאָן מיט די פּרימיטיווסטע וואָפן, העק און קאָסעס. דאָס איז אָבער געווען צו ווינציק כדי צו דערגרייכן אַ זיג קעגן אַזאַ מעכטיקן שונא, בפרט נאָך אַז דער ענטוזיאַזם בײַ די פּויערים־מאַסן איז גיך אָפּגעקילט געוואָרן שוין בלויז צוליב דעם וואָס מען האָט זיי נישט באַפרײַט פון „פּאַנשטשינע„ (לײַבקנעכטשאַפט) און נישט אַוועקגעגעבן זיי די ערד וואָס זיי האָבן באַאַרבעט — ווי דאָס האָט יאָ באַוויזן דורכצופירן די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע כמעט אין דער זעלבער צײַט.

דער אײַנפלוס פון דער גרויסער רעוואָלוציע אויף די געשעע־

נישן אין פוילן איז געווען אומגעהײַער. די פוילישע אָנהענגער פון דער מײַ־קאָנסטיטוציע וואָס האָבן געבילדעט דעם פּראָגרעסיוון לאַגער, אָדער די „פאַטריאָטישע פאַרטיי", זענען אַלע געווען אינספּירירט אין די לאָזונגען פון רעוואָלוציאָנערן פראַנקרײַך. דער פאָרזיצער פון פיריאָריקן סיים, אָדער „מאַרשאַלעק", איז געווען דער פּראָגרעסיווער שליאַכטשיץ סטאַניסלאַוו מאַלאַכאָווסקי. פון די „אויפגעקלערטע" שטאָטישע אײַנוווינער האָט זיך אַרויסגערוקט דער קעמפער און פּאָליטישער שריפטשטעלער סטאַניסלאַוו סטאַשיץ, און נישט נאָר האָט ער געפאָדערט גלײַכבאַרעכטיקונג פאַר די שטאָטישע אײַנוווינערס נאָר אויך דאָס אָפּשאַפן די פאַנשטשיזנע. אָבער דעם לינקן פליגל אין סיים האָבן פאָרמירט די פוילישע יאַקאָבינער, אָנגעפירט פון גלח און דעפּוטאַט הוגאָ קאָלאָנטײַ. זײַן הויז אין וואַרשע אויף סאַלעץ איז שפּעטער געוואָרן באַקאַנט ווי „קאָלאָנטײַס קוזשניע", ווײַל דאָרט זענען אויסגעשמידט געוואָרן לאָזונגען און פּראָגראַמען (געווען דאָרט אַ דרוקערײַ) און עס זענען אויך פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען. נאָך אַ באַרימטער יאַקאָבינער איז געווען דער שפּעטערדיקער העלדישער אָנפירער פון אויפשטאַנד יאַקוב יאַשינסקי. פאַרשטייט זיך אַז די יאַקאָבינער פון סיים האָבן אַלע געהערט צו דער שליאַכטע, ווײַל די שטאָטישע אײַנוווינערס האָבן ביז צו דער מײַ־קאָנסטיטוציע נישט געקענט אויסגעוויילט ווערן אַלס דעפּוטאַטן. קעגן דעם פּראָגרעסיוון לאַגער האָבן זיך אין סיים געפונען די רעאַקציאָנערן, די „אַלט־פריצישע גרופּירונג" („סטראָנניצטוואָ סטאַראָשליאַכעצקיע"), אָבער אויך זיי האָבן געהאַנדלט אונטער דער ווירקונג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. מחמת דער מורא פאַר די געשעענישן אין פראַנקרײַך זענען זיי אײַנגעגאַנגען אויף געוויסע קאָמפּראָמיסן וואָס האָבן דערמעגלעכט אָנצונעמען אייניקע וויכטיקע רעפאָרמען. דאָס ביסל גוטס, וואָס די נײַע קאָנסטיטוציע האָט געגעבן, איז מעגלעך געווען אין פריצישן פוילן בלויז צוליב דער שרעק פאַרן רעוואָלוציע־געשפּענסט. אָבער ווי נאָר עס זיגט די „טאַרגאָוויצע" מיט דער הילף פון צאַרישן מיליטער ווערט אָפּגעשאַפט די קאָנסטיטוציע פון 3טן מײַ און די שטאָטלײַט פאַרלירן זייערע דערוואָרבענע רעכט.

פונקט ווי אין פראַנקרײַך זענען געווען פאַרשידענע שטרעמונגען צווישן דער רעוואָלוציאָנערער בורזשואַזיע, איז אויך אין פוילישן רעוואָלוציאָנערן לאַגער נישט געווען קיין אײַנשטימיקייט. קאָלאָנטײַ איז טאַקע געווען פאַר אַלגעמיינער גלײַכהייט, פאַר באַפרײַען די פויערים און זיך שטיצן אינעם אויפשטאַנד פון די פאָלקסמאַסן, אָבער אַ גרויסער טייל — און נישט נאָר די שליאַכטע, נאָר אויך די שטאָטלײַט, באַזונדערס די פאַרמעגלעכע — איז געווען קעגן אַרײַננעמען די פויערים אין דער אַרמיי און פאַר שאַפן אַן אַרמיי בלויז פון דער שליאַכטע און פון די שטאָטישע, וואָס זאָלן קענען זײַן אַן אָפּהאַלט קעגן צו־ראַדיקאַלע האַנדלונגען. אין פראַנקרײַך זענען אָבער די רעוואָלוציאָנערע קליינבירגער, פון וועלכע עס זענען געקומען דער גרעסטער טייל יאַקאָבינער, געווען אַ גרויסער כוח און דערפאַר האָבן זיי נישט נאָר געקענט ברענגען צו דער מאַכט דעם נײַעם דריטן שטאַנד, נאָר אויך פולשטענדיק אָפּשאַפן דעם פעאָדאַליזם מיטן לײַב־אייגנטום און די פּריווילעגיעס פון אַדל, און דערלאַנגען — ווי עס האָט זיך אויפן מאָמענט אויסגעדאַכט — אַ טויטקלאַפּ דער מאָנאַרכיע און דעם קלער.

אַן אַנדער זאַך איז וואָס די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געזיגט דער עיקר קעגן די אויסערלעכע שונאים וואָס האָבן זי געזוכט צו דערשטיקן, אָבער אַ סך ווייניקער קעגן אינערלעכן שונא... זענען דאָך דאַן אַרויסגעטראָטן קעגן פראַנקרײַך די אַרמייען פון עסטרײַך און פרײַסן און געליטן אַ מפּלה, און אויב די צאַרישע אַרמיי האָט נישט געטון דאָס זעלבע איז עס דאָך נאָר געווען דערפאַר וואָס מען האָט זי געדאַרפט שיקן קיין פוילן צו דערשטיקן דעם קאָשציושקאָ־אויפשטאַנד. דעריבער טאַקע האַלטן די היסטאָריקער פון נײַעם פוילן, אַז דאָס פוילן פון סוף אַכצנטן י"ה האָט מיט איר פאַלן באַשיצט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע (2). וואָס שײַך אָבער דעם אינערלעכן פראָנט איז נאָכן זיג פון דער רעוואָלוציע די מאַכט סוף כל סוף איבערגעגאַנגען צו דער פראַנצויזישער גרויס־בורזשואַזיע, וואָס האָט אומגעבראַכט די אמתע רעוואָלוציאָנערן און צוגעגרייט אַ וועג פאַר אַ נײַעם באַשיצער פון איר

---

(2) זע „געשיכטע פון פוילן" פון שיינברענער—מיסאַלאָוואַ, וואַרשע 1951.

דערוואָרבענעם אומגעהײַערן פאַרמעגן — פאַר דער נײַער באָנאַפּאַרטישער מאָנאַרכיע.

אָבער אין פוילן פון יענער צײַט איז אַלץ געבליבן ווי פריִער: די פּריווילעגיעס בײַם אַדל און די פויערים פאַרשקלאַפט דורך דער פאַנשטשיזנע. עס זענען ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן די חלומות פון קאָלאָנטײַען און אפילו נישט פון זײַנע פאָרגייער, ווי דעם „אויפגעקלערטן" סטאַניסלאַוו קאָנאַרסקי, וועלכער האָט נאָך מיט אַ האַלב יאָרהונדערט פריִער געפאָדערט צו פאַרבעסערן די לאַגע פון פויער, נישט צו דערלאָזן דאָס אַרײַנמישן זיך פון פרעמדע מאַכטן און אויך נישט דאָס פאַרקויפן זיך פון די מאַגנאַטן. ער פאָדערט אויך דאָס אָפּשאַפן דעם וועטאָ און די וואַלן פון קעניגן און דאָס אַלץ ברענגט ער אַרויס אין זײַן ווערק „וועגן אַ ווירקזאַמען סיסטעם פון באַראַטונגען" („אָ סקוטעטשנים ראַד ספּאָסאָביע") וואָס האָט אין זײַן צײַט געמאַכט אַ גרויסן רושם בײַ דער קליינער צאָל „אויפגעקלערטע" אין אַ לאַנד וואָס איז נישט נאָר אין פּאָליטישן זין נאָר אויך גײַסטיק געווען שטאַרק אָפּגעשטאַנען, בפרט אונטער דער הערשאַפט פון די צוויי זאַקסישע קעניגן (אויגוסט דער צווייטער און דער דריטער) פון דער ערשטער העלפט פון אַכצנטן י"ה און אויך שפּעטער ביזן אויפשטייג פון סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי אין 1764.

אין פעאָדאַלן פוילן זענען די שולן געווען אויסשליסלעך פאַר דער פּריווילעגירטער שליאַכטע, און שטאָטישע אָדער פויערישע קינדער האָבן צו זיי נישט געהאַט קיין צוטריט. די דאָזיקע שולן זענען דורכויס געווען רעליגיעזע, אָנגעפירט פון די יעזויִטן און מיט לאַטײַן אַלס אונטערריכטס־שפּראַך. עס האָט געהערשט אין די שולן דער גײַסט פון מיטל־עלטער און דאָס ביסל וועלטלעכע וויסן וואָס מען האָט געגעבן איז אויך געווען אין הסכם מיטן רעאַקציאָנערן קוק און מיט די קלעריקאַלע אינטערעסן פון דער קירך. זיכער האָבן די שולן נישט געקענט דערציִען קיין באַוווּסטזיניקע מענטשן וואָס זאָלן פאַרשטיין די וועלט און דאָס לעבן (3). און דערפון האָט זיך אויך גענומען די איגנאָראַנץ און קורצזיכטיקייט פון דער מערהייט פון דער שליאַכטע, אפילו פון דער גאָר פאַראָרעמטער, וואָס האָט בלינד נאָכגעפאָלגט די גרויסע פריצים און דעם קלער, כאָטש דאָס איז געווען אין סתירה צו איר אייגענע אינטערעסן. אַן ענדערונג איז ערשט פאָרגעקומען אין 1773 ווען דער פויפּס, געצוווּנגען אונטערן דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג, האָט אָפּגעשאַפט דעם פינצטערן יעזויִטישן אָרדן, און דאַן זענען אין גאַנץ פוילן געשלאָסן געוואָרן די יעזויִטישע שולן. דער פאַררופענער סיים האָט נאָך אין זעלבן יאָר געשאַפן די אַזוי גערופענע „נאַציאָנאַלע דערציִונג־קאָמיסיע", וועמען עס ווערט איבערגעגעבן די אויפגאַבע צו רעאָרגאַניזירן דאָס שולוועזן. בראש פון דער קאָמיסיע, צו וועלכער עס גייען איבער אַלע יעזויִטישע גיטער אין פוילן, ווערט געשטעלט דער שוין דערמאָנטער פּאַטריאָטישער גלח און שפּעטערדיקער ראַדיקאַלער פירער הוגאָ קאָלאָנטײַ. גרויסע ענדערונגען קומען איצט פאָר אין דערציִונג־וועזן. נישט נאָר ווערן אַרײַנגענומען אין די שולן וועלטלעכע לימודים נאָר עס ווערן אויך צו זיי צוגעלאָזן קינדער פון מיעשטשאַנעס" און אפילו פון פויערים. אויך די אונטערריכט־שפּראַך ווערט געביטן פון לאַטײַן אויף פויליש, וואָס איז פאַר אַלע פאַרשטענדלעך. אַוודאי רופט דאָס אַרויס קעגנערשאַפט בײַ דער שליאַכטע וואָס שיקט נישט אויס פּראָטעסט אירע קינדער אין די „פּלעבעיִשע" שולן און זוכט צו שאַפן אייגענע קנעלונגען אויף לאַטײַן מיט גלחים אַלס מלמדים. אָבער פאַר די שטאָטישע און דאָרפישע קינדער הייבט זיך איצט אָן אַ נײַ לעבן.

די דאָזיקע ענדערונגען זענען אויך אין איינקלאַנג מיט דער אויפגעקלערטקייט פון קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט און פון אייניקע מאַגנאַטן, וואָס זענען באַאײַנפלוסט פון מערב אייראָפּע און האַלטן אויך פאַר לויבבאַר געוויסע מערב אייראָפּעיִשע אײַנפירונגען אין אייגענעם לאַנד. דאָס האָט אויך גורם געווען בײַ אייניקע מאַגנאַטן צו גרויסע אינדוסטריעלע פאַרמעסטן לויטן מוסטער פון פראַנקרײַך און ענגלאַנד.

זיכער איז שוין אין די פוילישע שטעט, ווי קראָקע, וואַרשע,

---

(3) די גרויסע פריצים און מאַגנאַטן, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַז זייערע קינדער זאָלן אויסוואַקסן עם־הארצים, האָבן געשיקט זייערע זין קיין אויסלאַנד שטודירן.

פּויזנע אַ סך פריִער אָנגעגאַנגען די אויסאַרבעטונג פון אַ גרויסער צאָל אַרטיקלען דורך די פאַרשידענע פאַכן, אָרגאַניזירטע אין צעכן. אין 18טן י״ה זעען מיר שוין בײַ די פאַכן דעם אָנהייב פון אַן אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון אַזעלכע מאַנופאַקטורן, ווי טוך, לייוונט, לעדער, טיכער, פּאַסקעס, שיך, פּאַפּיר און אויך אַגראַר־געצײַגן, אָבער אַלץ נאָך אין אַ קליינעם מאַסשטאַב. די גרויסע פּריצים האָבן עס געוואָלט מאַכן אויפן גרויסן שטייגער. זיי האָבן אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן איבער הויפּט לוקסוס־אַרטיקלען וואָס מען האָט אין פּוילן נישט באַקומען און געדאַרפט ברענגען פון אויסלאַנד. אגב האָבן זיי געהאַט די פּריווילעגיע נישט צו צאָלן קיין אימפּאָרט־שטײַער פאַר די אַרטיקלען. זיי האָבן אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן טײַערע פּאַסן, פּאָרצעלאַן, זײַד, לוקסוסיעזע בראָקאַטן (שטיקערײַ), אָבער די אַלע אַרטיקלען האָבן געהאַט אַ שוואַכן אָפּגאַנג אין לאַנד צוליב דער באַגרענעצטער צאָל רײַכע אײַנקויפער און די אונטערנעמונגען (ווי אין דער געגנט פון גראָדנע און בריסק) האָבן זיך גיך געמוזט שליסן. אָבער אויך די דאָזיקע אינדוסטריעלע פאַרמעסטן זענען נישט געווען קיין פּריצישער קאַפּריז, נאָר האָבן געהאַט אַן עקאָנאָמישן אונטערשלאַק. די סיבה פאַר וואָס די גרויסע פּריצים האָבן זיך דערטראַכט צו נײַע אינוועסטיציעס איז געווען דאָס פאַרקלענערן זיך פון זייערע רווחים צוליב דעם ווידערשטאַנד וואָס עס האָט געשטעלט קעגן דער אומגעהײַערער עקספּלואַטאַציע סײַ די שטאָטישע, סײַ די דאָרפישע באַפעלקערונג. די פּאַנשטשינע פאַרשקלאַפּט וואָס אַמאָל מער דעם פּויער און ער בונטעוועט זיך, ווײַל נישט מער אַרבעטן פאַרן פּריץ. אין די שטעט האָבן שוין די מאַגנאַטן אײַנגעפירט צו נעמען בלויז צינדזן בײַ די אײַנוווינערס און דערפאַר זיי געבן אַ געוויסע זעלבשטענדיקייט דורך זייערע צעכן. דאָס האָט באַגינסטיקט דער אַנטוויקלונג פון די מלאכות און אינדוסטריעס, און דער שטאָטישער בירגער איז געווען צופרידן פון זײַן גרעסערער פרײַהייט. אייניקע פּריצים האָבן אויפן זעלבן אופן געפּרוּווט ראַטעווען זייערע רווחים: זיי האָבן באַפרײַט זייערע פּויערים פון לײַב־אייגנטום און בלויז גענומען בײַ זיי צינדזן פאַר די שטיקלעך ערד וואָס זיי האָבן באַאַרבעט. אַזעלכע פּרוּוון זענען אָבער געווען גאַנץ ווייניק, ווײַל די פּריצים האָבן זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פון פּאַנשטשינע און פאַרלירן דעריבער די פּריווילעגיע פון אומבאַגרענעצטן עקספּלואַטירן שקלאַפן. דער סוף איז געווען אַז אַ סך פּויערים האָבן זיך צעבונטעוועט און די פּריצים האָבן געזען כסדר פאַרקלענערט זייערע רווחים.

די מאַגנאַטן וואָס האָבן אויפגעשטעלט פאַבריקן האָבן טאַקע געהאַט אין זינען צו באַנוצן זייערע באַפרײַטע פּויערים ווי ביליקע אַרבעטסהענט, ווײַל דאָס באַנוצן זיך מיט געכאַפּטע שלעפּערס, בעטלערס און יתומים, וועלכע מען האָט געצווּנגען צו אַרבעטן — און דאָס האָבן אויך געטון די שטאָטישע אונטערנעמערס צוליב מאַנגל אין אַרבעטסהענט — האָט נישט געגעבן די געהעריקע רעזולטאַטן. די פאַבריקלוינען זענען געווען אַזעלכע קליינע אַז די מאַגנאַטן האָבן אָפּט געמוזט אָנווענדן געוואַלד כדי צו צווינגען זייערע פּויערים צו אַרבעטן. אין די שטעט האָט זיך פאַרנומען מיט כאַפּן פאַרוואָרלאָזטע יתומים, שלעפּערס און בעטלערס די פּאָליציי גופא און זי האָט זיי אַליין אַוועקגעפירט אויף אַרבעט אין די וואַרשטאַטן און פאַבריקלעך. אין די שטעט איז געווען אַזאַ שאַרפער מאַנגל אין אַרבעטסהענט אַז מען האָט אַפילו ייִדן געפּרוּווט אַרײַנציִען אין פאַבריק־אַרבעט, אָבער וועגן דעם וועלן מיר נאָך באַזונדער רעדן.

אין קעגנזאַץ צו די ס׳רוב דורכגעפאַלענע פּרוּוון פון אינדוסטריאַליזאַציע מצד די מאַגנאַטן און דעם קעניג גופא, אַנטוויקלט זיך די אינדוסטריע ביסלעכווײַז און מיט זיכערע טריט אין די שטעט. געוויס טרעפן אָן די שטאָטישע וואַרשטאַטן און פאַבריקלעך גרויסע שטערונגען מצד דער פעאָדאַלער רעגירונג וואָס האָט אין זינען בלויז די אינטערעסן פון פּריווילעגירטן קלאַס און די גאַנצע לאַסט פון דער מלוכה וואַרפט זי איבער אויף די שטאָטישע און דאָרפישע אײַנוווינערס. אַזוי קענען נישט די שטאָטישע בעל־מלאכות און אינדוסטריאַלן אויפן געוויינלעכן וועג אַרויספירן זייערע אויסגעאַרבעטע אַרטיקלען קיין אויסלאַנד, ווײַל דער לעגאַלער עקספּאָרט ווערט אויסערגעוויינלעך באַשווערט צוליב די גרויסע שטײַערן. דערקעגן דאַרפן די פּריצים נישט צאָלן קיין שום שטײַער פאַר די אימפּאָרטירטע לוקסוסזאַכן פון אויסלאַנד. אַזאַ שטײַערן־פּאָליטיק איז נאָר מסוגל צו רויִנירן די עקאָנאָמיק פון לאַנד, און אויב די שטאָטישע אינדוסטריע האָט זיך דאָך דורכגעשלאָגן אַ וועג, איז עס געווען מיט גרויסער מי און קרבנות. גאַנץ גינסטיק פאַר דער נאַציאָנאַלער אינדוסטריע האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָס פאַרבײַטן די פּאַנשטשינע בײַ אייניקע מאַגנאַטן אויף צינדזן. די פּויערים פון אַזעלכע דערפער האָבן זיך גאָר מיט אַן אַנדער חשק גענומען צו באַאַרבעטן זייער ערד און אַ דאַנק די אָפּשפּאָרונגען וואָס זיי האָבן באַוויזן צו מאַכן זענען זיי אין גיכן געוואָרן גוטע קליִענטן פון די שטאָטישע אויסאַרבעטונגען. דאָס האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן אין די אָרעמיקע שטעט לעבן די האַלב און גאַנץ באַפרײַטע דערפער, און ווען מען נעמט אין אַכט אַז עס זענען געווען מאַגנאַטן וואָס האָבן געהאַט צו צענדליקער דערפער, ווערט קלאָר אַז די צאָל באַפרײַטע פּויערים פון פּאַנשטשינע (אין גאַנצן אָדער טיילווײַז) איז געווען אַ גאַנץ באַדײַטנדיקע. דאָס האָט, אָן ספק, דערהויבן די קאָנסום־פעיִקייט פון אינערלעכן מאַרק און איז געווען אַ סטימול פאַר דער שטאָטישער אינדוסטריע. קיין דעצידירנדיקער פאַקטאָר האָט עס אָבער נישט געקענט ווערן ווײַל, לײַדער, זענען געווען ווייניק אַזעלכע פאַרשטענדלעכע פּריצים וואָס זאָלן אײַנזען די לוינבאַרקייט פאַר זיך גופא צו פאַרבײַטן די פּאַנשטשינע בײַ זייערע פּויערים אויף צינדזן. פאַראַן אויך אַזעלכע עקשנותדיקע פּריצים וואָס ווילן בעסער אַליין גיין צו גרונט איידער נאָכקומען די פאָדערונגען פון דער צײַט און אָפּשאַפן אויף זייערע מאַיאָנטקעס דאָס לײַב־אייגנטום. אַ טייל פון זיי זוכט זיך צו ראַטעווען פון זייער שלעכטער לאַגע דורך פאַרבינדן זיך מיט די שטאָטישע סוחרים און אינדוסטריאַלן מיט וועלכע זיי גרינדן בשותפות קרעדיטבענק, האַנדלס־פירמעס און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. פון די אַרויפגעאַרבעטע בעל־מלאכות, רײַכע סוחרים און אינדוסטריאַלן אַנטשטייט די שטאָטישע בורזשואַזיע, וואָס זוכט מיטן אָרט לעבן נאָכצומאַכן דער שליאַכטע און פאַרבינדט זיך גערן מיט איר. די דאָזיקע דערנענטערונג איז גורם אַז די שליאַכטע זאָל ענדערן איר בליק אויף די שטאָטישע אײַנוווינערס און דאָס דערפירט צום שפּעטערדיקן שאַפן דעם פּראָגרעסיוון בלאָק פון שליאַכטע און מיעשטשאַנעס, פון וועלכן עס זענען אַרויסגעקומען אַזעלכע ראַדיקאַלע פירערס ווי סטאַשיץ און קאָלאָנטײַ.

אָבער דער שטאַרקסטער קלאַפּ פאַר דער פּוילישער אינדוסטריע און האַנדל און פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג בכלל איז געקומען אין דער צײַט פון סטאַניסלאַוו אויגוסטס הערשאַפט דורך די פּאָליטישע געשעענישן. די מיליטערישע אינטערווענצן פון די פּײַנדלעכע מלוכות האָבן אויסגערויבט און רויִנירט דאָס לאַנד. אין אַ סך ערטער האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס נאָרמאַלע לעבן, די אַרבעט, דער האַנדל און איבער הויפּט האָט געליטן וואַרשע ווען זי איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די פּרײַסן און אָפּגעשניטן פון גאַנצן הינטערלאַנד. די פאַבריקן און געשעפטן אין דער הויפּטשטאָט זענען געווען פּאַראַליזירט, ווײַל צוליב דער נײַער גרענעץ האָבן די וואַרשעווער מאַנופאַקטורן נישט געקענט דערגיין צום אינערלעכן מאַרק. און דער דאָזיקער קלאַפּ האָט נישט אַזוי גיך געקענט פאַרהיילט ווערן! פאַרשטענדלעך אַז פון אַזאַ ביטערער עקאָנאָמישער לאַגע האָט צום מײַנסטן געליטן די פּוילישע אָרעמקייט. עס איז אַנטשטאַנען אַרבעטלאָזיקייט און עס האָט זיך שטאַרק פאַרמערט די צאָל בעטלערס און שלעפּערס איבערן גאַנצן לאַנד.

וואָס שײַך די ייִדן, איז זייער לאַגע אין יענער צײַט געווען פּשוט אַ פאַרצווייפלטע, כאָטש אויך פאַרן אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן קריזיס האָבן זיי נישט ווייניק געליטן צוליב זייער רעכטלאָזיקייט און ספּעציעלע אַנטי־ייִדישע געזעצן. לויט די פאָרשונגען פון ד״ר ר. מאַהלער זענען די ייִדן אונטער דער הערשאַפט פון קעניג פּאָניאַטאָווסקי באַשטאַנען פון צוויי דריטל שטאָטישע און איין דריטל דאָרפסלײַט. די שטאָטישע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל, מלאכה, שענקערײַ און פרײַע פּראָפעסיעס, די דאָרפישע — מיט פאַכטערײַ, קרעטשמערײַ, אַרענדע, ברויזן און מלאכות. די אויסנאַם־געזעצן קעגן ייִדן זענען באַשטאַנען אין אַרויפצווינגען אויף זיי ספּעציעלע הויכע שטײַערן און פאָדערן פון זיי קאָפּגעלט. דערצו האָבן זיי נאָך געדאַרפט צאָלן ספּעציעלע שטײַערן דער אייגענער קהילה און דאָס האָט זיך באַזונדער שווער געלייגט אויף דער ייִדישער אָרעמקייט. אין די שטעט האָבן די ייִדן געליטן רדיפות פון די קריסטלעכע אײַנוווינערס, די מיעשטשאַנעס, וועלכע האָבן געזען אין זיי קאָנקורענטן. און אין וואַרשע האָבן ייִדן געקענט נאָר וווינען ווען זיי האָבן אויסגעקויפט ספּעציעלע „טאָגצעטלען“. אין די דערפער האָבן די ייִדישע קרעטשמערס און פאַכטערס געדאַרפט צאָלן הויכע אַרענדע און ווען זיי האָבן נישט געקענט נאָכקומען די חובות

האָט דער פּריץ זיי אַרויסגעטריבן. די פאַרטריבענע ייִדן פון דאָרף זענען אַוועק אין די שטעט און האָבן דאָרט פאַרגרעסערט די צאָל דעקלאַסירטע און בעטלערס. די שרעקלעכע לאַגע פון די ייִדן האָט אַפילו געפונען אַן אָפּקלאַנג אין סיים פון יאָר 1775, ווו די דעפּוטאַטן האָבן, נאָך לאַנגע דיסקוסיעס, אָנגענומען אַ פּראָיעקט צו אינדוסטריאַליזירן און אַגראַריזירן די ייִדן. זיכער האָבן דאָס די פּריצים געטון נישט בלויז אויס מיטלײַד צו די געליטענע ייִדן, נאָר זיי האָבן דערין געזען אַן עקאָנאָמיש געווינס. אין יענער צײַט זענען געמאַכט געוואָרן אינדוסטריעלע פּרוּוון פון די מאַגנאַטן און זיי האָבן זיך גענייטיקט אין ביליקע אַרבעטסהענט פאַר די פאַבריקן. צו ברענגען קוואַליפיצירטע פאַכלײַט פון אויסלאַנד איז די פּריצים אויסגעקומען צו טײַער און די געכאַפּטע בעטלערס און שלעפּערס זענען ווײַט געווען פון זײַן פּראָדוקטיווע אַרבעטער. וואָס שײַך ווייער דעם אַגראַריזאַציע־פּלאַן זענען באַזונדער דערפון געווען באַגײַסטערט די „אויפגעקלערטע” פּריצים, וואָס האָבן דערין געזען אַ באַשטעטיקונג פון דער פיזיאָקראַטישער טעאָריע אַז דאָס רײַכטום פון לאַנד קומט פון דער ערד און דעריבער דאַרף מען זען צו פאַרגרעסערן די שטחים לאַנדווירטשאַפט. אויך דאָ דאַרף מען זען די סיבה אין גאַנץ פּראַקטישע אויסרעכענונגען: די אָפּטע פּויערישע בונטן קעגן זייער שקלאַפערײַ לטובת די פּריצים האָבן געשטערט דעם ערדפאַרזיי און דעם שניט און די נויט־לײַדנדיקע ייִדן וואָלטן זיי מיט דערפאָלג געקענט פאַרבײַטן.

האָט מען טאַקע אָנגעהויבן צו שלעפּן די ייִדישע אַרבעטסלאָזע אין די פאַבריקן, אָבער די סטאַבילע צאָל פון די דאָזיקע געצוווּנגענע אַרבעטער איז קיין מאָל נישט דערגאַנגען מער ווי צו עטלעכע הונדערט. דאָס דערקלערט זיך דערמיט וואָס די ייִדישע אַרבעטער האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן אַזאַ שקלאַפערישע באַהאַנדלונג מצד די פּריצישע פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן זיך אגב לגבי זיי פּונקט אַזוי געפירט ווי לגבי די אייגענע פּויערים.

כדי צוצוציִען ייִדן צו ערדאַרבעט האָט דער סיים פון 1775 אָפּגעשאַפט דאָס קאָפּגעלט פאַר די אַלע וואָס וועלן איבערגיין צו דער לאַנדווירטשאַפט. עס זענען געמאַכט געוואָרן אַזעלכע פּרוּוון אין פּאָדאָליע און אין רײַסן. איין פּריץ האָט אַפילו געגרינדעט אַ ייִדישע ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניע נאָענט פון שטעטל זוויאַהעל, אָבער די צאָל ייִדישע קאָלאָניסטן איז אויך דאָ געווען אַ נישטיקע, ווײַל אין פעאָדאַלן פּוילן האָבן די ייִדישע פּויערים געמוזט פאַרוואַנדלט ווערן אין לײַב־אייגענע, פּונקט ווי די פּוילישע פּויערים.

די רעכטלאָזיקייט פון די ייִדן איז נישט אָפּגעשאַפט געוואָרן אַפילו דורך דער מײַ־קאָנסטיטוציע, ווײַל דער פּראָגרעסיווער בלאָק פון „גרויסן סיים” איז אין זײַן מערהייט געווען באַאײַנפלוסט פון די ייִדן־פײַנדלעכע מיעשטשאַנעס און בלויז דער לינקער פליגל פון דער פּאַטריאָטישער פּאַרטיי האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע ייִדן־באַשיצער ווי טשאַצקי, בוטרימאָוויטש און יעזשיערסקי. דערפאַר האָט בלויז אַ קאָמיסיע פון פּיריאָריקן סיים באַהאַנדלט די ייִדן־פראַגע, אָבער איז נישט געקומען צו קיין שום באַשלוס. פאַרקערט נאָך: אַזוי ווי די שטאָטישע ייִדן זענען איבערגעגאַנגען צו דער יוריסדיקציע פון די מאַגיסטראַטן, האָבן די מיעשטשאַנעס נאָך מער באַגרענעצט זייערע מעגלעכקייטן צו האַנדלען און אַרבעטן. אָבער ווידער וואַכט אויף די האָפענונג בײַ ייִדן אַז זייער לאַגע וועט זיך בעסערן ווען די פּאַטריאָטישע פּאַרטיי, אָנגעפירט פון קאָשציושקאָ, גרייט צו דעם אויפשטאַנד.

אַנדערש ווי תמיד זענען איצט געווען די ווענדונגען צום לאַנד. מען האָט שוין נישט גערופן בלויז די שליאַכטע אַרײַנצוטרעטן אין די קאַמפסרייען, נאָר אויך די שטאָטישע אײַנוווינערס, די פּויערים און אַפילו די ייִדן. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון פּוילן ווען מען האָט גערופן צום מיליטער אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג און אין דעם איז געווען דער פאַרמעסט פון דער אָנפירערשאַפט צוצוגרייטן אַן אמתן פאָלקסאויפשטאַנד.

ווער איז געווען קאָשציושקאָ וואָס האָט זיך פאַרנומען אין פּריצישן פּוילן אויף די וועגן פון אַן אמתן מאַסן־אויפשטאַנד?

טאַדעוש קאָשציושקאָ איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1746 בײַ אַ פאַראָרעמטן ליטווישן שליאַכטשיץ און זײַן מיליטערישע אויסבילדונג דורכגעמאַכט אין דער וואַרשעווער קאַדעטן־שול. אַלס פעיִקן תלמיד האָט אים דער קעניג סטאַניסלאַוו אויגוסט דערנאָך אָפּגעשיקט קיין פּאַריז, ער זאָל לערנען אויף מיליטערישער אינזשיניערײַ. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיט די ליבעראַלע אידעען פון די ענציקלאָפּעדיסטן און אויך מיט די רעוואָלוציאָנערע טעאָריעס וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט די קעגנערס פון פאַרדאָרבענעם פעאָדאַלן רעזשים אין פראַנקרײַך. ווען עס איז אויסגעבראָכן אין צפון אַמעריקע דער אומאָפּהענגיקייט־קריג קעגן די ענגלישע הערשער איז ער גלײַך אַהינגעפאָרן און מיט זיינע פעיִקייטן און וויסן געהאָלפן אויסקעמפן די פרײַהייט פון די פאַר'שטאַטן. פאַר זײַנע גרויסע פאַרדינסטן האָט מען אים דאָרט שפּעטער אויפגעשטעלט אַ דענקמאָל און איצט איז אויך פאַראַן אין ניו יאָרק (ברוקלין) אַ גאַס אויף זײַן נאָמען.

קאָשציושקאָ אײַלט זיך אומצוקערן אַהיים, אַן אַנטשלאָסענער צו קעמפן פאַר דער פרײַהייט פון אייגענעם לאַנד. ער קומט באַדעקט מיט רום פאַר זײַן אַרויסגעוויזענער העלדישקייט אין אַמעריקע און אויך מיט דער אויסצייכענונג פון דעם רעפּובליקאַנישן פראַנקרײַך, ווו ער האָט זיך פאַרדינט דעם ערן־טיטל „בירגער פון רעוואָלוציאָנערן קאָנווענט”. אָבער דערפאַר טאַקע שרעקן זיך פאַר אים די רעאַקציאָנערע מיליטער־אָנפירערס פון פּריצישן פּוילן און ווילן אים נישט אַרײַננעמען אין דער אַרמיי. ערשט נאָך די אײַנגעפירטע רעפאָרמען פון פּיריאָריקן סיים רופט מען אים צו מיליטער־דינסט, ווו ער באַקומט דעם ראַנג פון גענעראַל־מאַיאָר. קעמפנדיק קעגן די טאַרגאָוויצער פאַררעטערס אונטער דער אָנפירונג פון פירשט יוזעף פּאָניאַטאָווסקי, ווײַזט ער אַרויס זײַן העלדישקייט אין דער שלאַכט הינטער דוביענקאַ.

ווען דער קעניג האָט פאַרראַטן און געהייסן אָפּשטעלן דעם קאַמף, פאַרלאָזט קאָשציושקאָ דאָס לאַנד צוזאַמען מיטן קעניגס פּלימעניק יוזעף פּאָניאַטאָווסקי, און אַ סך אַנדערע פּוילישע פּאַטריאָטן. אין מאַרץ 1794 קערט זיך קאָשציושקאָ אום קיין פּוילן אויף דער אויפפאָדערונג פון די פּאַטריאָטן פון לאַנד און אויך פון דער עמיגראַציע (4). איינשטימיק ווערט ער פּראָקלאַמירט אַלס „נאַטשאַלניק פון פאָלק” מיט די ברייטסטע פולמאַכטן אָנצוגיין מיטן קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון לאַנד. בײַם אָננעמען דעם אַמט האָט קאָשציושקאָ פײַערלעך דערקלערט אַז ער וועט קעמפן פאַר דער פרײַהייט פון גאַנצן פאָלק און ניט בלויז פאַר דער „שליאַכטע”.

טאַדעוש קאָשציושקאָ האָט אין וואַרשע ניט אָנגעטראָפן קיין גינסטיק פעלד פאַר מאַכן צוגרייטונגען צום אויפשטאַנד. דאָ האָט זיך געפונען אַ מעכטיקע רוסישע אַרמיי און דער „טאַרגאָוויצער” קעניג (5) האָט קנעכטיש אויסגעפאָלגט די באַפעלן פון יעקאַטערינען אויפצולייזן די פּוילישע אַרמיי און לאָזן אונטער געווער בלויז אַ 15.000 מאַן. אַ סך פון מיליטער האָבן בעסער געוואָלט אַרויסטרעטן אין קאַמף איידער פרײַוויליק אָפּגעבן דאָס געווער און זיי האָבן צוגעזאָגט צו שטעלן זיך אויפן ערשטן רוף פון „נאַטשאַלניק”, ווי מען האָט גענומען רופן קאָשציושקאָן.

אין קעגנזאַץ צו וואַרשע, איז אין קראָקע ניט געווען קיין רוסיש מיליטער און דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן דאָרט אָנצוהייבן דעם אויפשטאַנד. דער רוף צום אויפשטאַנד איז געמאַכט געוואָרן דעם 24טן מאַרץ 1794. אַ זעלטן בילד האָט מען דאַן געקענט זען אין קראָקע. פּונקט ווי מיט הונדערטער יאָרן צוריק זענען געשלאָסן געוואָרן די טויערן פון דער שטאָט און עס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן בײַ זיי וואַכלײַט. אויפן מאַרק האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם פון שטאָטישע אײַנוווינערס, שליאַכטע און פּויערים. אַ סך האָבן געטראָגן אויף די אַקסלען פאַרביקע בענדער מיט אויפשריפטן: „פרײַהייט אָדער טויט”. אַ באַטאַליאָן זעלנער איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ פירעק און קאָשציושקאָ האָט בײַ זיי אָפּגענומען די שבועה פון טרײַהייט. קאָשציושקאָס אַ געווער־חבר האָט פאַרגעלייענט דעם אַקט פון דער „אינסורעקציע” (אויפשטאַנד) צונויפגעשטעלט פון „בירגערס פון דער קראָקעווער וואָיעוואָדעשאַפט”. עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער אויפשטאַנד

---

(4) מיטן וואָרט „עמיגראַציע” האָט מען געמיינט די פּוילישע פּאַטריאָטן וואָס זענען צוליב פּאָליטישע טעמים אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד און דאָרט אָנגעגאַנגען מיט זייער טעטיקייט לטובת דער פרייהייט פון פּוילן.

(5) דער נאָמען „טאַרגאָוויצע” איז אָנגענומען אין פּוילן ווי אַ באַצייכענונג פון פאַרראַט.

און מען האָט געמאָלדן אַז די בירגערס פון לאַנד אָנערקענען קאָשציושקאָן ווי דעם „איינציקן און העכסטן נאַטשאַלניק פון אויפשטאַנד".

אין זײַן רעדע פאַר די פאַרזאַמלטע האָט דער נאַטשאַלניק דערקלערט: „יי דער פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד זענען אַלע בײַ מיר גלײַך, און דעריבער שאַץ איך גלײַך אַ ייִד, אַ פּויער, אַ שליאַכטשיץ, אַ גלח און אַ שטאָטישן מענטש". באַציִענדיק זיך צו ייִדן, פאַרזיכערט ער זיי פולשטענדיק גלײַכע רעכט מיט אַלע בירגערס. צו לעצט גיט אויך קאָשציושקאָ אָפּ אַ שבועה, ווו ער זאָגט צו אַז ער וועט ניט אויסנוצן די אים פאַרטרויטע מאַכט אויף קיין שום פּריוואַטער אונטערדריקונג, נאָר בלויז פאַר דער פאַרטיידיקונג פון די גרענעצן, פאַר דער צוריקדעראָבערונג פון דער זעלבסטהערשאַפט פון פאָלק און כדי צו באַפעסטיקן די אַלגעמיינע פרײַהייטן.



טאַדעאוש קאָשציושקאָ

דער ענטוזיאַזם פון דער קראָקעווער באַפעלקערונג איז געווען אויסערגעוויינלעך. עס זענען אָנגעקומען גרויסע געלטבײַטראָגן און עס האָבן זיך אויך געמאָלדן פרײַוויליקע צום מיליטער. קאָשציושקאָ האָט אויך געמאַכט אַ רוף צו די בירגערס פון גאַנצן לאַנד, צו מענער און פרויען און באַזונדער צום מיליטער, וואָס דאָס איז געווען זײַן גרעסטע זאָרג.

די באַוואָפנטע כוחות פון דער אינסורעקציע זענען באַשטאַנען פון פרײַוויליקע און רעקרוטירטע. די לעצטע זענען געווען רעגולערע און אומרעגולערע. רעגולערע זענען געקומען פון דער אַזוי גערופענער „פּאָספּאָליטע רושעניע", אָדער „אַלגעמיינע געווערפליכט" (6) ווערבירט פון מענער פון 18 ביז 40 יאָר. זיי האָבן דורכגעפירט פּאַרטיזאַנען־אַקציעס, געשטערט דעם שונא אין טראַנספּאָרט פון שפּײַז, אַמוניציע אאַ"וו. די אומרעגולערע רעקרוטן האָבן זיך גערופן „דימניקעס" אָדער „רויך־רעקרוטן" (7), ווײַל מען האָט זיי גענומען פון אַ געוויסער צאָל הײַזער, אָדער קוימענס. אויף זיי האָט מען זיך ניט געקענט איבעריק פאַרלאָזן, ווײַל מען האָט זיי ניט געקענט האַלטן אַ לענגערע צײַט אין מיליטער, מחמת ווי נאָר זיי האָבן פאַרענדיקט אַ שלאַכט פלעגן זיי פאַרשווינדן פון שלאַכטפעלד ווי אַ רויך, ד"ה זיי האָבן זיך פּשוט אומגעקערט אַהיים. די באַוואָפענונג פון די „רויכרעקרוטן" איז באַשטאַנען פון ביקסן, פּיקעס און קאָסעס. חוץ דעם האָט זיך אין די שטעט געפונען אַ מיליץ וואָס האָט געהאַט די פונקציע צו היטן די געפאַנגענע און האַלטן וואַך.

די ערשטע זאַך וואָס קאָשציושקאָ האָט געטאָן איז געווען דאָס פאַרגרעסערן זײַנע כוחות. ער האָט געשאַפן אַ באַוואָפנטע מיליץ פון די שטאָטישע אײַנוווינערס און ער האָט דעקרעטירט צו נעמען „רויכרעקרוטן" אין דער פּראָפּאָרץ פון איינעם אויף יעדע 5 קוימענס. ער האָט אויך באַפעסטיקט קראָקע, כדי זי צו קענען פאַרטיידיקן פון אַן אָנגריף.

אין'גיכן איז אָנגעקומען די ידיעה אַז עס דערנענטערט זיך צאַריש מיליטער. קאָשציושקאָ איז באַלד אַרויס אַנטקעגן מיט 4000 קעמפערס און 12 קליינע האַרמאַטן. אויפן וועג איז צו אים צוגעשטאַנען אַן אָפּטיילונג פּויערישע רויכרעקרוטן, באַוואָפנטע מיט קאָסעס. צו מאָרגנס, דעם 4טן אַפּריל, איז בײַ ראַצלאַוויצע פאָרגעקומען דער צוזאַמענטרעף און גלײַך האָט זיך אָנגעהויבן אַ בלוטיקע שלאַכט. די כוחות זענען כמעט געווען גלײַכע וואָס שײַך דער צאָל קעמפערס, אָבער די רוסן האָבן געהאַט געניטע זעלנערס און אויסגעצייכנטע האַרמאַטן, און דאָך איז געשען דאָס וווּנדער וואָס די אויפשטענדלערס האָבן געזיגט. קאָשציושקאָ האָט אין אַ

---

(6) בײַ רינגעלבלומען הייסט עס „אַלגעמיינער אויפהייב".

(7) בײַ רינגעלבלומען הייסט עס „קוימען־רעקרוטן".

געוויסן מאָמענט געגעבן אַ באַפעל טאַקע די „רויכרעקרוטן”, זיי זאָלן פאַרכאַפּן די האַרמאַטן און אַליין האָט ער זיי געפירט צו דער אַטאַקע. מיט די פאַרבויגענע קאָסעס האָבן די פּויערים זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די פײַנדלעכע האַרמאַטן און זיי דעראָבערט. די מפּלה פון צאַרישן מיליטער איז געווען אַ פולשטענדיקע און דער זיג הינטער ראַצלאַוויצע האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן רושם אין גאַנצן לאַנד. נאָך דער שלאַכט זענען די „קאָסיניערן” (קעמפער מיט קאָסעס) זיך צעשוווּמען ווי אַ רויך, אָבער זייער העלדישער אויפטו איז פאַרבליבן אין דער געשיכטע.

ווי איז געווען די באַציִונג פון יִדן צום אויפשטאַנד? אין אַ געוויסער מאָס איז דאָ פאָרגעקומען דאָס זעלבע ווי בײַ די פּאָליאַקן. די רײַכע יִדן האָבן מיט קליינע אויסנאַמען אַרויסגעוויזן פּאַסיווקייט צום אויפשטאַנד און זיך אַפילו באַמיט צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. אויף דער פּוילישער זײַט זענען די מאַגנאַטן, די רײַכע שליאַכטע און דער קלער געווען ניט פּאַסיוו, נאָר דווקא פײַנדלעך צום אויפשטאַנד און צו דער קאָנסטיטוציע פון 1791, און אויב זיי זענען ניט אָפן צוגעשטאַנען צו טאַרגאָוויצע, זענען זיי אָבער — אויב זיי האָבן נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט — אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. דערקעגן זענען די פּוילישע מאַסן און אויך די פאַראָרעמטע שליאַכטע געווען מיט לײַב און לעבן אויף דער זײַט פון דער אינסורעקציע און אויך די יִדישע פאָלקס־מאַסן האָבן זיך פּאָזיטיוו באַצויגן צום אויפשטאַנד.

ד”ר רינגעלבלום באַשטעטיקט דעם פאַקט און דערקלערט עס דערמיט וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט שלעכט באַהאַנדלט יִדן און דאָס צאַרישע מיליטער וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין פּוילן האָט גערויבט און געמאָרדעט אָן שום שטראָף. דאָס האָט אַרויסגערופן האַס צו די צאַרישע זעלנער און אַלס זעלבסטפאַרטיידיקונג דערוועקט דעם ווילן צו קעמפן קעגן זיי.

אָבער דאָ פעלט נאָך צוצוגעבן די וויכטיקסטע סיבה פאַר דער פּאָזיטיווער שטעלונג פון די יִדישע מאַסן צום אויפשטאַנד, און דאָס איז די טיפע סימפּאַטיע וואָס די אָרעמע יִדן — פּונקט ווי די פּוילישע פאָלקסמאַסן האָבן געפילט צו די פאַרטיידיקערס פון דער מײַ־קאָנסטיטוציע, וועלכע האָבן זיך באַמיט אַ ביסל צו פאַרלײַכטערן דאָס לעבן פון די אָרעמע און וואָס שײַך יִדן האָט דער 4יאָריקער סיים ברייט באַהאַנדלט זייער לאַגע, כאָטש אַ געזעץ פון גלײַכבאַרעכטיקונג מיט די פּוילישע בירגערס איז נישט אָנגענומען געוואָרן. קאָשציושקאָס פאַרזיכערונג צו יִדן אין זײַן רוף (דער „קראָקעווער אוניווערסאַל”) האָט פאַרשטאַרקט די דאָזיקע שטעלונג פון די יִדן צום אויפשטאַנד, און מיר זעען דאָס פון דער גרויסער צאָל אסיפות וואָס יִדישע קהילות האָבן צוזאַמענגערופן אין פאַרשידענע שטעט כדי צו באַהאַנדלען די פּראַגע וועגן העלפן די אויפשטענדלערס. באַלד הייבן זיך אָן געלטזאַמלונגען און יִדישע בעל־מלאכות מאַכן אַפילו פאָרשלאָגן צו אַרבעטן אומזיסט פאַר די באַדערפענישן פון די אויפשטענדלערס.

אין אַלטן פּוילן האָט מען יִדן ניט גענומען אין מיליטער און זיי האָבן זיך געקענט אויסקויפן מיט געלט, אָדער שיקן אויף זייער אָרט אַ קריסטלעכן רעקרוט. בעת דעם קאָשציושקאָ־אויפשטאַנד איז שוין אָבער דאָס זען אַ יִדישן קעמפער ניט געווען קיין אויסערגעוויינלעכער פאַל, בפרט בײַם שטיין אויף דער וואַך אָדער אין דער מיליץ. אין אַ באַריכט פון עסטרײַכישן קרייזהויפּטמאַן פון מישלעניץ צו דער צענטראַלער רעגירונג אין ווין — וואָס איז געבליבן ווי אַ היסטאָרישער דאָקומענט פון יענער צײַט — ווערט איבערגעגעבן אַז מען האָט אָנגעטראָפן נאָענט פון דער עסטרײַכישער גרענעץ אַ יִדישע אָפּטיילונג אין לאַנגע קאַפּאָטעס, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך (8).

דער פאָלקסאויפשטאַנד אין וואַרשע לאָזט אויך הערן וועגן יידן

דער זיג הינטער ראַצלאַוויצע האָט אַרײַנגעבראַכט גרויס דערמוטיקונג בײַ די פּאַטריאָטן אין וואַרשע. עס האָבן דאָרט געבאַלעבאַטעוועט די טאַרגאָוויצער פאַררעטערס מיט דער הילף פון צאַרישן גאַרניזאָן פון 8000 מאַן, אָנגעפירט פון יעקאַטערינעס נײַעם פאַרטרעטער איגעלשטרעם.

אין וואַרשע זענען אויך געווען פּוילישע חילות צו וועלכע איגעלשטרעם האָט ניט געהאַט קיין צוטרוי, אָבער דער פאַררעטערישער העטמאַן אָזשאַראָווסקי האָט אים פאַרזיכערט וועגן זייער „לאָיאַלקייט”... דער העטמאַן האָט, אָבער, געהאַט אַ טעות: די 3500 זעלנער און אָפיצירן זענען געווען לאָיאַל, אָבער ניט צו טאַרגאָוויצע נאָר צום פאָטערלאַנד. כמעט אַלע זענען געוואָרן אַרײַנגעצויגן אין דער צוגעגרייטער פאַרשווערונג, וועגן וועלכער עס איז, לײַדער, געוואָר געוואָרן די טאַרגאָוויצער קליקע, און דער אָנפירער, דער וואַרשעווער אײַנוווינער קאַפּאָסטאַס, האָט זיך קוים געראַטעוועט דורך אַנטלויפן. ער איז אָנגעקומען צו קאָשציושקאָן קיין קראָקע און האָט אים געבראַכט די שיינע מתנה פון 5000 קאָסעס.

אין וואַרשע האָט זיך אָבער די געהיימע טעטיקייט ניט אָפּגעשטעלט און עס האָט זיך באַלד אַרויסגערוקט אַ צווייטער פּשוטער „מיעשטשאַנין” מיט אַ סך מוט און ענערגיע — דער שוסטער יאַן קילינסקי, וואָס איז שוין דאַן געווען ראַטמאַן פון דער הויפּטשטאָט.

די טאַרגאָוויצער האָבן זיך געגעבן חשבון פון דער שטימונג וואָס הערשט אין וואַרשע און — לויט די קלאַנגען וואָס זענען אומגעגאַנגען — האָבן זיי באַשלאָסן דורכצופירן אַ שחיטה אין סאַמע פּאַסכע, ווען די מיעשטשאַנעס וועלן זיך געפינען אין די קירכעס. אָבער די פּאַטריאָטן זענען זיי פאַרלאָפן דעם וועג (9). דעם 17טן אַפּריל, קוים דרײַ וואָכן נאָך פּראָקלאַמירן דעם אויפשטאַנד אין קראָקע, האָט זיך וואַרשע אַרײַנגעוואָרפן אין קאַמף.

דער ערשטער איז אַרויסגעטראָטן אַ פּוילישער פּאָלק, איינער פון די וואָס האָבן זיך געפונען אין וואַרשע. דער פּוילישער גענעראַל וואָס האָט אָנגעפירט מיטן אַרסענאַל האָט דאַן געהייסן אָפּגעבן אַ שאָס פון אַ האַרמאַט, כדי דאָס פּאָלק זאָל וויסן אַז דער אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן. באַלד האָבן זיך אויך צעקלונגען אַלע גלאָקן פון די קירכעס און די וואַרשעווער באַפעלקערונג האָט פאַרפולט אַלע גאַסן.

די זכרונות־שרײַבערס פון יענער צײַט האָבן פאַרצײַכנט אַז „די קעמפנדיקע גרופּעס פון פאָלק זענען באַשטאַנען פון בעלי־מלאכות און זייערע געזעלן, פון אויפזעערס, פאַראָבקעס און יִדן. עס זענען אויך צוגעשטאַנען פאַרקויפערס, הענדלערס און משרתים, רעוואָלוציאָנערע גלחים, ווי מײַער און יעלסקי און די אַקטיאָרן פון באָגוסלאַווסקי טעאַטער. עס זענען אַרײַן אין קאַמף אַלע פּוילישע כוחות און דערבײַ האָבן זיך באַזונדער אויסגעצייכנט דער פּאָלק פון וואַרשעווער בעלי מלאכות — די אַזוי גערופענע „דזשיאַלאַנטשיקעס”. אַ שרעק איז געפאַלן אויף די טאַרגאָוויצער פאַררעטערס. זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ווי די מײַז אין די לעכער און זיי האָבן זיך ניט באַוויזן אין גאַס די גאַנצע צײַט פון קאַמף.

די אַטאַקע קעגן רוסישן גאַרניזאָן איז געווען אַ פאַרביסענע, ווײַל די סאָלדאַטן האָבן זיך מוטיק פאַרטיידיקט, אָבער דער מוט פון די מיליטעריש ווייניק צוגעגרייטע מיעשטשאַנעס, וואָס האָבן פול מיט ענטוזיאַזם און גלויבן זיך געוואָרפן אין קאַמף, איז געווען נאָך גרעסער.

אויך די יונגע קאַדעטן פון דער אָפיצירן־שול האָבן זיך געריסן צום קאַמף, און ווען זייערע אָנפירערס האָבן זיי ניט געוואָלט באַגלייטן האָבן זיי צווישן זיך אויסגעקליבן אַלס אָנפירער יוזעף סאָווינסקין, וואָס האָט גלײַך אַרויסגעוויזן מיליטערישע פעיִקייטן און איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אויף דעם געביט (10).

נאָך צוויי טעג קאַמף האָט דאָס פאָלק פון וואַרשע צוזאַמען מיטן פּוילישן מיליטער אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן זיג. איגעלשטרעם איז אַנטלאָפן און די טאַרגאָוויצער זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין תפיסה פון וואַנען זיי זענען אַרויסגעשלעפּט און אויפגעהאָנגען געוואָרן דורכן פאָלק גופא, וואָס האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן ביז דאָס געריכט וועט אַרויסטראָגן אַן אורטייל. דאָס געריכט האָט

---

(8) ציטירט פון ש. שניצער אין „די פּראַגער שחיטה”.

(9) ציטירט פון מאַריאַ דלוסקאַ פון איר לערנבוך פאַר פּוילישער געשיכטע.

(10) ציטירט פון דער זעלבער קוועלע.

זיך ניט געאײַלט, ווײַל די מאַכט האָבן שוין באַוויזן איבערצונעמען נישט די רעוואָלוציאָנערע פאָלקסמאַסן, נאָר די רײַכע מיעשטשאַנעם מיט דער שליאַכטע.

שוין דעם 19טן אַפריל איז געשאַפן געוואָרן אין וואַרשע אַ „פראָוויזאָרישע רעוואָלוציאָנערע רעגירונג”, דער „צײַטווײַליקער ראַט” וואָס איז דעם 10טן מײַ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „העכסטן נאַציאָנאַלן ראַט”, מיט קאָשציושקאָן בראָש. דער צוזאַמענשטעל פון דער ערשטער פראָוויזאָרישער רעגירונג, פונעם „צײַטווײַליקן ראַט („ראַדאַ זאַסטעמפטשאַ טימטשאַסאָוואַ”) — האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקייט בײַ די וואַרשעווער מאַסן און אונטער זייער דרוק האָט דער שפעטערדיקער „העכסטער נאַציאָנאַלער ראַט” — („נײַוויזששאַ ראַדאַ נאַראָדאָוואַ”) — שוין אַרײַנגענומען צוויי זייערע בעסטע פאָרשטייער: די ראַדיקאַלע גלחים און אויפריכטיקע יאַקאָבינער הוגאָ קאָלאָנטײַ און יוזעף מײַער. זיי האָבן דאָס געפאָדערט בײַ דער רעגירונג אַרויסצוגעבן די פריצישע פאַררעטערס נאָך דעם ווי בײַ אַ פריִערדיקן פאַל האָבן די אומגעדולדיקע מאַסן געשטורעמט די תפיסה און נאָכן אַרויסשלעפן פון דאָרט די „טאַרגאָוויצער” לײַט זיי עפנטלעך געהאַנגען. אויך איצט איז די רעגירונג געצוווּנגען געווען אַרויסצוגעבן דרײַ הויכגעשטעלטע פאַררעטער, צווישן זיי דעם בישוף מאַסאַלסקי, און זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורכן פאָלקסצאָרן. אויב אין פריִערדיקן פאַל האָט די דעמאָלטיקע רעגירונג פאַרמשפט צו תפיסה דעם וואָס האָט דאַן אָנגעפירט די מאַסע, האָט דער שעף פון דער איצטיקער רעגירונג קאָשציושקאָ, זיך באַנוגנט מיט מאַכן אַ פאָרוווּרף קאָלאָנטײַען און מײַערן. דער גרויסער העלד און אויפריכטיקער פרײַנד פון פאָלק, וואָס האָט אַליין אָפגעשטאַמט פון דער שליאַכטע, האָט זיך ניט געקענט אַנטשליסן איבערצורײַסן מיטן פריווילעגירטן קלאַס און מיט דער גאַנצער שטרענגקייט באַשטראָפן די פריצים פאַר פאַרראַט. פונקט ווי אַלע פריווילעגירטע האָט אויך אים געשראָקן דער געדאַנק אַז די מאַסן קענען איבערנעמען די מאַכט, און כאָטש ער האָט געפרעדיקט און אויך געקעמפט פאַרן פולשטענדיקן אָפשאַפן די פאַנשטשינע און אויסגלײַכן אין די רעכט די פויערים מיט דער שליאַכטע, האָט ער אָבער נישט געוואַגט אַרויפצוווינגען זײַן ווילן אויף די פריצים און האָט זיך באַנוגנט מיט קאָמפראָמיס־דעקרעטן וואָס האָבן נישט געקענט צופרידנשטעלן די פויערים און וואָס די פריצים האָבן, אָן צוואַנג, סײַ ווי נישט אויסגעפירט. וואָלט קאָשציושקאָ אָן שום קאָמפראָמיסן אָפגעשאַפט די פאַנשטשינע, צעטיילט די פויערים די ערד וואָס זיי באַאַרבעטן און ענערגיש געהאַנדלט קעגן די ווידערשפעניקע פריצים, וואָלטן די פויערים זיך שפעטער נישט אַנטוישט אין אים און וואָלטן מיטן גרעסטן ענטוזיאַזם אומעטום מאַסנווײַז אָנגעפילט די קאַמפסרייען, און דאַן וואָלט דער אויסגאַנג פון אויפשטאַנד מעגלעך געווען אַ גאַנץ אַנדערער. קאָשציושקאָס וואַקלדיקייט קומט אַרויס בולט אין „פאָלאַניעצער אוניווערסאַל” וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם 7טן מײַ. דער דאָזיקער דעקרעט באַפרײַט נישט די פויערים פון פאַנשטשינע נאָר פאַרקלענערט זי אויף אַ העלפט פאַר די וואָס וועלן צושטיין צום אויפשטאַנד. חוץ דעם טאָר דער פריץ נישט אַראָפוואַרפן דעם פויער פון דער ערד וואָס ער באַאַרבעט און ער קריגט אויך די פערזענלעכע פרײַהייט איבערצוטראָגן זיך אויף אַן אַנדער פלאַץ לויט זײַן ווילן. די פוילישע פויערים זענען געבליבן אַנטוישט, ווײַל נישט אַזאַ דעקרעט האָבן זיי דערוואַרט! אָבער אויך קאָשציושקאָ האָט זיך געפילט דערשלאָגן און פאַרביטערט וואָס ער האָט זיך אונטערגעוואָרפן דעם דרוק פון דער שליאַכטע קעגן זײַן אייגענעם פילן און דענקען (11). אָבער די פריצים מיט וועלכע ער האָט זיך אַזוי אויסגעהיט איבערצורײַסן, האָבן אַפילו דעם דאָזיקן קאָמפראָמיס־דעקרעט נישט געטראַכט אויסצופאָלגן!

* * *

אונטערן אײַנפלוס פון קאָלאָנטײַען און זײַנע מיטאַרבעטער פאַרשפרייט זיך שטאַרק דער יאַקאָביניזם אין וואַרשע, ווו ס'ווערט געעפנט אַ יאַקאָביניסטישער קלוב לויטן בײַשפיל פון פאַריז. יעדער פאַטריאָט אָן אונטערשיד פון אָפשטאַם האָט געקענט זײַן אַ מיטגליד אין קלוב, ווו איינער האָט דעם אַנדערן גערופן „בירגער”, אַזוי ווי אין פראַנקרײַך.

דער יאַקאָביניסטישער אײַנפלוס שטײַגט ווײַט איבער די גרענעצן פון דער הויפטשטאָט און דערגרייכט אויך צו ליטע, ווו די באַפעלקערונג רופט זיך אָפ אויף קאָשציושקאָס פלאַמיקער ווענדונג צו אַלע שיכטן, און אויך דאָרט ברעכט אויס דער אויפשטאַנד קעגן צאַרישן מיליטער. עס פירט דאָרט אָן מיט דער באַוועגונג אַ באַקאַנטער יאַקאָבינער און שפעטער באַרימטער גענעראַל: יאַקוב יאַשינסקי. די רעגירונג טראָגט דעם נאָמען „צענטראַלע דעפוטאַציע פון ליטווישן גרויספירשטנטום” — (צענטראַלנאַ דעפוטאַציאַ וויעלקיעגאָ קשיענסטוואַ ליטעווסקיעגאָ) — דאָרט איז דער קאַמף פון אָנהייב אָן אַ פאַרצווייפלטער, ווײַל די כוחות זענען ווײַט נישט קיין גלײַכע. חוץ דעם איז אַ געפערלעכע דראָונג דאָס דערנענטערן זיך פון דער פרײַסישער אַרמיי, וואָס פאַראייניקט זיך טאַקע שפעטער מיט דער צאַרישער בײַ שטשעקאָטשין. עס דערנענטערט זיך דער מאָמענט ווען דער הויפטקאַמף קומט פאָר פאַר וואַרשע.

* * *

דערווײַל געניסט וואַרשע פון אַ פאַרהעלטנישמעסיקער רויִקייט. אין די חדשים מײַ, יוני און אַ שטיק יולי גייט דאָס לעבן אָן כמעט נאָרמאַל. די באַפעלקערונג פילט זיך נאָך באַרוישט פון דעם גרויסן זיג איבערן שונא און עס דאַכט זיך איר אַז איר זיכערקייט איז נישט באַדראָט פון קיין נאָענטער געפאַר. אָבער דער שעף פון דער נײַער רעגירונג פילט זיך יאָ באַזאָרגט און טראַכט מיט אומרויִקייט וועגן דער נאָענטער צוקונפט. ער זעט יאָ די געפאַר פון נײַע אָנגריפן און ער מאַכט פלענער פאַר דער פאַרטיידיקונג. וואָס שייך דער מיליטערישער צוגרייטונג, צוליב דער מעגלעכער געפאַר פון פײַנדלעכע אָנגריפן, האָט דער נאַטשאַלניק נאָך פריִער, דעם 4טן מײַ, דעקרעטירט די „אַלגעמיינע געווערפליכט” און דעם 9טן מײַ איז פאָרמירט געוואָרן אין וואַרשע די מיליץ, וואָס האָט אַגב אַרײַנגענומען אַ גרויסע צאָל ייִדן.

אויב אין דער רעגולערער אַרמיי האָט מען זעלטן געקענט געפינען אַ ייִד בעת דער באַפרײַאונג פון וואַרשע, איז אָבער ניטאָ קיין שום ספק וועגן זייער באַטייליקונג ניט נאָר אין דער מיליץ נאָר אויך אין דער געווערפליכט. קאָשציושקאָ אַליין דערמאָנט עס אין אַן אַרטיקל, פאַרעפנטלעכט אין דער אָפיציעלער „רעגירונגס־צײַטונג” פון יענער צײַט („גאַזעטאַ זשאָנדאָוואַ”), ווו ער זאָגט צווישן אַנדערס: „דער אָנטייל פון די ייִדן אין אויפשטאַנד פאַרחידושט נאָך מער מחמת דעם וואָס די ייִדן, וועלכע האָבן אין אַלטערטום פאַרוווּנדערט די וועלט מיט זייער מוט און העלדישע קאַמפן פאַר פרײַהייט, האָבן זינט זייער פאַרלאָזן דאָס פאָטערלאַנד ניט געוואָלט אָנטיילנעמען אין די בלוטיקע קאַמפן וואָס די אכזריותדיקע דעספאָטן פלעגן פירן אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד. אַן אויסנאַם פון דעם אַלגעמיינעם כלל — ניט צו מישן זיך אין מלחמות פון פעלקער — זענען די אַפריל־קאַמפן אין וואַרשע אין יאָר 1794 בעת וועלכע די ייִדן האָבן מוטיק געקעמפט קעגן שונא (12).

אַן אָפיציעלע באַשטעטיקונג איז אויך דער מעמאָראַנדום פון דער „אָרעמשאַפט פון אַלטן טעסטאַמענט”, צוגעשטעלט פון וואַרשעווער ייִדן צום שטאָט־פרעזידענט זאַקשעווסקי נאָך די אַפריל־געשעענישן (דעם 21טן יוני). דאָרט פאַררופט מען זיך אויף דער ייִדישער באַטייליקונג אין באַפרײַען וואַרשע און עס ווערט געבעטן אַראָפצונעמען דאָס „קאָפגעלט” פון ייִדן (13).

ד״ר רינגעלבלום גיט אַפילו אָן די צאָל ייִדישע מיליציאָנערן פון יענער צײַט אין די פאַרשידענע שטאָטטיילן און עס קומט אויס אַז די גרעסטע צאָל האָבן געגעבן די גאַסן פון דער ייִדישער אָרעמקייט, ווי נאָוואָליפיע, סמאָטשע און נאָך אַנדערע.

זאָל נאָך דערמאָנט ווערן אַז אין דער אָרגאַניזירונג פון וואַרשעווער אויפשטאַנד האָט זיך באַטייליקט, חוץ דעם הויפט־אָנפירער יאַן קילינסקי און די גלחים קאָלאָנטײַ און מײַער, אויך דער פראַנקיסט יאַן דעמבאָווסקי, אַ וויכטיקע פערזענלעכקייט פון דער פרײַהייט־באַוועגונג און סעקרעטאַר פונעם אָנפירער פון דעמאָלטיקן פראָגרעסיוון לאַגער איגנאַצי פאָטאָצקי. אין די אַפריל־קאַמפן איז דעמבאָווסקי געשטאַנען בראָש פון די פאָלקסמאַסן און ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן די מעסיקע עלעמענטן פון אויפשטאַנד. שפע־

---

(11) ציטירט פון שיינברענער—מיסלאָווא.

(12) ציטירט פון ד״ר רינגעלבלומס אַן אַרבעט אויף דער דאָזיקער טעמע.

(13) ציטירט פון דער זעלבער קוועלע.

טער איז ער אויך געווען דער וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער פאָלקס־נקמה קעגן די פריצישע פאַררעטערס, פאַר וואָס ער איז דערנאָך פאַרמשפט געוואָרן צו אַ האַלב יאָר תפיסה. דעמבאָווסקי האָט זיך שפעטער אָנגעשלאָסן אין פוילישן לעגיאָן וואָס האָט אונטער דאָמבראָווסקין געקעמפט אויף דער זײַט פון נאַפאָלעאָנען.

בערעק יאָסעלעוויטש



בערעק יאָסעלעוויטש

דעם ערשטן פרווו צו שאַפן באַזונדערע ייִדישע אָפטיילונגען אין דער פוילישער אַרמיי האָט געמאַכט בערעק יאָסעלעוויטש. ער איז געבוירן געוואָרן אין קרעטינגען, טעלזער קרײַז, אָבער בעת דער אינסורעקציע טרעפן מיר אים שוין אין וואַרשע ווי אַ דאָרטיקן סטאַבילן אײַנוווינער. צו יענער צײַט איז בערעק יאָסעלעוויטש מיליטערישער ליווראַנט. פאַר זײַן באַזעצן זיך אין דער הויפטשטאָט, איז ער געווען אַ הויפטמעקלער בײַם ווילנער ביסקופ מאַסאַלסקי (14), וועמענס געשעפטן ער האָט געפירט און איז טייל מאָל אַפילו געפאָרן אין פריצים נאָמען קיין פאַריז. בערעק האָט זיך אַלע מאָל געפילט טיף פאַרבינדן מיט זײַן געבורטלאַנד און פונקט ווי אַ סך אַנדערע אויפגעקלערטע ייִדן האָט ער מיט באַגײַסטערונג אויפגענומען די נײַע מײַ־קאָנסטיטוציע וואָס האָט צוגעזאָגט גלײַכבאַרעכטיקונג פאַר אַלע בירגערס. ער האָט געהאַלטן אַז די ייִדן דאַרפן זיך פאַרדינען די דאָזיקע גלײַכבאַרעכטיקונג דורך פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד מיט געווער אין האַנט גלײַך ווי אַלע אַנדערע בירגערס. דעם געדאַנק צו שאַפן אַ ייִדישן פאָלק האָט ער פאָרמולירט אין אַ ספעציעלן אויפרוף צו ייִדן וואָס ער האָט געלאָזט פאַרטיילן אין די בתי־מדרשים פון גאַנצן לאַנד. צוזאַמען מיט יוסף אַראָנאָוויטש גיט אָן בערעק יאָסעלעוויטש אַ ביטע וועגן דעם צו קאָשציושקאָ. דעם נאַטשאַלניק האָט די ידיעה וועגן שאַפן אַ ייִדישן פאָלק צו הילף דעם אויפשטאַנד שטאַרק דערפרייט, ווײַל ער האָט געזען דערין אַ געווינס פאַר דער זאַך פון אויפשטאַנד. „קיין שום זאַך — שרײַבט ער דאָ אין אַן אַרטיקל — קען ניט אַזוי איבערצײַגן די ווײַטסטע פעלקער וועגן דער הייליקייט פון אונדזער זאַך און דעם יושר פון דער איצטיקער רעוואָלוציע ווי דאָס וואָס מענטשן וועלכע האָבן אַן אַנדער רעליגיע און אַנדערע מנהגים זענען פון אייגענעם ווילן מקריב זייער לעבן בכדי אונטערצושטיצן אונדזער אויפשטאַנד”.

---

(14) דער זעלבער פריץ ווערט פאַר פאַררעטער אויפגעהאַנגען פון דער מאַסע בעתן וואַרשעווער אויפשטאַנד.

און באַציִענדיק זיך דירעקט צו דער באַקומענער ביטע, שרײַבט ער: „די ייִדן בערעק יאָסעלעוויטש און יוסף אַראָנאָוויטש, אין זינען האָבנדיק אַז זיי זענען געבוירן געוואָרן אויף דער דאָזיקער ערד, און אַז נאָכן באַפרײַען דאָס לאַנד וועלן זיי צוזאַמען מיט אַנדערע דערפון געניסן, האָבן פאַר מיר פאָרגעבראַכט זייער ווילן צו שאַפן אַ ייִדישן פאָלק פון לײַכטער קאַוואַלעריע. איך באַגריס זייער פלײַס און גיב זיי די דערלויבעניש צו ווערבירן דעם דאָזיקן פאָלק, צו באַזאָרגן אים מיט אַלע נייטיקע כלי־זיין, כדי זיי זאָלן וואָס גיכער קענען אַרײַנגערעכנט ווערן אין עטאַט פון דער רעפובליק און זיי זאָלן וואָס בעסער קעמפן קעגן שונא”.

דער נאַטשאַלניק הייסט אויסצאָלן פון דער מלוכה־קאַסע 3000 גילדן פאַר דער אויסשטאַטונג פון ייִדישן פאָלק און דעם 1טן נאָוועמבער ווערט אין דער אָפיציעלער צײַטונג פאַרעפנטלעכט בערעק יאָסעלעוויטשעס ווייטערדיקער רוף:

„ליבע ברידער! איך האָב געהאַט דאָס גליק נאָמינירט צו ווערן אַלס פאָלקאָווניק. טײַערע ברידער! וועקט זיך אויף ווי די לײַבן און לעמפערטן. נעמט זיך צום געווער און העלפט מיט צו באַפרײַען דאָס אונטערדריקטע פוילן! לאָמיר זיך נעמען פאַר אַ בײַשפיל און אָפלערנען זיך פון טאַדעוש קאָשציושקאָ. ער, אַ גרויסער מאַן וואָס האָט אַזוי פיל פרײַהייט, ווײַל פון דעסט וועגן האָבן נאָך מער פרײַהייט ווי ער האָט; מכל שכן ערשט מיר, וואָס ווערן שטענדיק אונטערדריקט, דאַרפן דאָך אוודאי זיך כאַפן פאַרן געווער און העלפן צו באַפרײַען דאָס לאַנד”.

דעם 6טן אָקטאָבער באַקומט בערעק די נאָמינאַציע אַלס פאָלקאָווניק, אָבער שוין פריִער האָט ער אָנגעהויבן צו פאָרמירן דעם פאָלק. עס מעלדן זיך צו אים 500 פרײַוויליקע, אָבער ווײַזט אויס אַז די זיכערע צאָל וואָס פאַרבלײַבט סטאַביל איז פאַר אים צו קליין און ער בעט דעם סינדיק נישט אַרויסצולאָזן פון שטאָט יונגע ייִדן וואָס טויגן צום מיליטער. סוף כל סוף מוז ער אָנקומען צום זעלבן מיטל וואָס יאַן קילינסקי, וועלכער ווערט פאָלקאָווניק פון זײַנע ווערבירטע רעקרוטן. צוליבן שטאַרקן עקאָנאָמישן קריזיס אין לאַנד זענען געווען אַ סך אַרבעטסלאָזע און זיי האָט מען געצוווּנגען אַרײַנצוטרעטן אין דער אַרמיי, אויב זיי האָבן ניט געקריגן קיין אַנדערע באַשעפטיקונג. נאָך שטרענגער איז מען זיך באַגאַנגען מיט בעטלערס, שלעפערס און ליידיק־גייערס, און פון אַזעלכע עלעמענטן האָט מען אָפט צונויפגעשטעלט גאַנצע פאָלקן.



יוזעף בערקאָוויטש, זון פון בערעק יאָסעלעוויטש, אָפיציר אין דער פוילישער אַרמיי.

בערעק יאָסעלעוויטש האָט אָבער געהאַט דעם גרעסטן טייל פֿרײַוויליקע און מען האָט עס שפּעטער געזען פֿון זייער העלדישקייט און פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט בעתן קאַמף.

די גרויסע בײַשטייערונגען פֿון די ייִדן פֿאַרן אויפֿשטאַנד, דאָס צוגרייטן דעם ייִדישן פֿאָלק און די שטאַרקע ייִדישע באַטייליקונג אין דער מיליץ האָבן אַרויסגערופֿן גרויס אָנערקענונג אין דער דעמאָלטיקער לאַנדפּרעסע און דער פּוילישער היסטאָריקער פּראָפֿעסאָר טאָקאַזש האָט באַצייכנט יענע געשעענישן אַלס די ערשטע ייִדיש־פּוילישע פֿאַרברידערונג.

פֿאַקטיש האָט די נויטווענדיקייט שוין אַ סך פֿריִער אַרויסגערוקט אַזעלכע פֿאַרבינדונגס־פּרוּוון צווישן פּאָליאַקן און ייִדן, כאָטש זיי האָבן געקענט האָבן בלויז אַ לאָקאַלן פֿאַרנעם. אַזוי איז געווען דער פֿאַל מיט העכער הונדערט יאָר צוריק אין דער העלפֿט פֿון 17טן י"ה, בעת כמיעלניצקי האָט באַלאַגערט לעמבערג, וואָס איז געווען פֿאַרטיידיקט פֿון די שטאָטישע אײַנוווינערס, ייִדן און קריסטן. כמיעלניצקי האָט געפֿאָדערט אַז עס זאָלן אויסגעליווערט ווערן די ייִדן און די פּוילישע ריטערס. אַזוי אָבער ווי די פּוילישע ריטערס זענען שוין פֿריִער אַוועק און האָבן זיך ניט באַטייליקט אין דער פֿאַרטיידיקונג פֿון דער שטאָט, איז כמיעלניצקי באַשטאַנען מען זאָל אים אַרויסגעבן בלויז די ייִדן. אָבער דער שטאָטראַט האָט כמיעלניצקין געענטפֿערט אַז ער וועט די ייִדן ניט אַרויסגעבן, ווײַל „צו גלײַך מיט דער גאַנצער שטאָט טראָגן זיי אויס די קאָסטן און די געפֿאַרן און זיי זענען גרייט מיט אונדז צו לעבן און צו שטאַרבן”.

כמיעלניצקי, ניט קענענדיק גאָר ניט אויפֿטאָן צוליב דער העלדישער פֿאַרטיידיקונג, האָט געמוזט אויפֿגעבן די באַלאַגערונג און זיך באַנוגנט מיט אויסקויפֿגעלט (15). לײַדער זענען אויך געווען פֿאַרקערטע פֿאַלן, אָבער אַלס בײַשפּיל פֿון פּויליש־ייִדישער פֿאַרברידערונג קען דער פֿאַקט דינען.

נאָכן ראַצלאַוויצער זיג איז די באַפֿרײַונג פֿון וואַרשע געווען דער גרעסטער אויפֿטו פֿון די אויפֿשטענדלערס. אָבער די לאַגע אין לאַנד איז נאָך אַלץ ניט געווען זיכער. מען האָט געוווּסט אַז יעקאַטערינע וועט ניט פֿאַרשווײַגן דאָס אַרויסשיקן די רוסן פֿון וואַרשע. און ווירקלעך האָבן אין גיכן (אין דער צווייטער העלפֿט יולי) אָנגעהויבן צו מאַרשירן פֿײַנדלעכע אַרמייען סײַ פֿון צפֿון, סײַ פֿון מערב. די רוסן האָבן שוין פֿאַרכאַפּט פּאָוואָנזעק, אָבער דער גענעראַל דאָמבראָווסקי האָט זיי אַלע מאָל צוריקגעשטויסן. קאָשטשיושקאָ אַליין האָט געמוזט קומען צו הילף מיט אומרעגולערע מיליטער־אָפּטיילן און מיט דער מיליציע, אָבער די געפֿאַר פֿאַר וואַרשע איז ניט פֿאַרשוווּנדן.

דאָמבראָווסקי ציט אָפּ זײַן מיליטער קיין גרויס־פּוילן, כּדי דאָרט אַרויסצורופֿן אַן אויפֿשטאַנד קעגן פּרײַסן. דאָס געלינגט אויך און דער פּרײַסישער קעניג, אויס מורא אַז זײַן אַרמיי זאָל ניט ווערן אַרומגערינגלט, פֿירט דורך אַן אײַליקן ריקצוג. אָבער שוין אָנהייב אָקטאָבער דערנענטערן זיך צוויי מעכטיקע צאַרישע אַרמייען פֿון פֿאַרשידענע זײַטן און וואָלטן זיי זיך פֿאַראייניקט, וואָלט וואַרשע געווען פֿאַרלוירן פֿאַר דער אינסורעקציע. קאָשטשיושקאָ פֿאַרלאָזט די הויפּטשטאָט און מאַרשירט אַוועק מיט זײַנע כּוחות אין דער ריכטונג צו לובלין. דעם 10טן אָקטאָבער טרעפֿט ער אָן הינטער מאַטשעיאָוויצע אויף פֿילצאָליק גרעסערע רוסישע כּוחות און די אויפֿשטענדלערס לײַדן אַ שרעקלעכע מפּלה. טויזנטער קעמפֿערס פֿאַלן מיט אַ העלדנטויט. קאָשטשיושקאָ, דרײַ מאָל אַ פֿאַרוווּנדעטער, פֿירט ווײַטער אָן מיטן קאַמף ביז ער פֿאַלט אַוועק אַ פֿאַרחלשטער פֿון גרויסן בלוטאָפּפֿלוס. די צאַרישע סאָלדאַטן נעמען אים אין געפֿאַנגענשאַפֿט און ער ווערט דערנאָך פֿאַרשפּאַרט אין פּעטערבורג, אין דער שליסעלבורגער פֿעסטונג.

צוויי יאָר איז קאָשטשיושקאָ געזעסן אין דער פּעטערבורגער תּפֿיסה און ווען יעקאַטערינעס זון איז נאָך איר טויט אַרויף אויפֿן טראָן אַלס פּאַוועל דער ערשטער (אין יאָר 1796), האָט ער אים אַמנעסטירט. קאָשטשיושקאָ איז דאַן אָפּגעפֿאָרן אין דער שווייץ, וווּ ער האָט ביז זײַן טויט (אין יאָר 1817) געפֿירט אַ צוריקגעצויגן לעבן. זײַנע שטאַרבלעכע רעשטן האָט מען שפּעטער איבערגעפֿירט קיין פּוילן, וווּ זיי זענען באַערדיקט געוואָרן אין דער קראָקעווער קאַטעדראַלער קירך.

עס איז כּדאַי צו וויסן אַז קאָשטשיושקאָ איז נישט פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון נאַפּאָלעאָנס מיליטערישן זשעני להיפּוך צו אַ סך פּאָליאַקן וואָס האָבן געשטראָמט צו די לעגיאָנען אין איטאַליע. דער גרויסער פּוילישער פֿרײַהייט־קעמפֿער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צום אַמביציעזן נײַעם וועלט־באַהערשער און האָט אויך נישט געגלויבט אין דער אויפֿריכטיקייט פֿון נאַפּאָלעאָנס צוזאָג אויפֿצושטעלן אַן אומאָפּהענגיק פּוילן. אַז זיין פֿאַרדאַכט איז נישט געווען אומזיסט באַווײַזט דער פֿאַקט וואָס דאָס וואַרשעווער פֿירשטנטום איז געווען נאַפּאָלעאָנס אַ וואַסאַל און וואָס דער גרויסער אימפּעראַטאָר האָט נישט געשיקט די פּוילישע לעגיאָנען פֿון איטאַליע אין זייער היימלאַנד, כּדי אויסצוקעמפֿן אַ פֿרײַ פּוילן. ער האָט נאָכן באַזיגן עסטרײַך אויפֿגעלייזט די פּוילישע לעגיאָנען און פֿון די 18.000 מאַן האָט ער 9.000 אײַנגעגלידערט אין דער איטאַליענישער אַרמיי, וואָס איז געווען אונטער זײַנע באַפֿעלן און די רעשט שיקט ער אָפּ צום פֿאַרוואָרפֿענעם אינדזל אויפֿן פּאַציפֿישן אָקעאַן, האַיִטי, וווּ די שוואַרצע באַפֿעלקערונג האָט זיך רעוואָלטירט קעגן פֿראַנקרײַך. בלויז אַ קליינעם טייל פֿון די לעגיאָנערן געלונגט עס אומצוקערן זיך קיין פּוילן. דער גורל פֿון די פֿאַרשיקטע פּאָליאַקן איז געווען אַ טראַגישער: די וואָס זענען נישט געפֿאַלן אין קאַמף קעגן די נעגערס, זענען אומגעקומען פֿון די גרויסע היצן און טראָפּישע קראַנקהייטן.

זאָל צולעצט דערמאָנט ווערן קאָשטשיושקאָס אַ האַנדלונג וואָס האָט אים רעהאַביליטירט אַלס אַן אויפֿריכטיקן פֿרײַנד פֿון די פּויערים. ער האָט פֿון דער שווייץ, וווּ ער האָט זיך אויפֿגעהאַלטן די לעצטע יאָרן, צוגעשיקט אַ פֿאָרמעלן דאָקומענט צו די פּויערים פֿון זײַנע גיטער, אַז ער צעטיילט צווישן זיי די ערד און באַפֿרײַט זיי פֿון לײַב־אייגנטום.

עס האָט אויסגעזען אַז דער נאַציאָנאַל־ראַט וועט מוזן אויפֿגעבן דעם קאַמף, אָבער דער באַשלוס וואָס איז אָנגענומען געוואָרן האָט געפֿאָדערט דאָס פֿאַרקערטע: „קעמפֿט מיט פֿאַרצווייפֿלונג! שטאַרבן, אָדער לעבן פֿרײַ!” — איז געוואָרפֿן געוואָרן די לאָזונג.

אַלס הויפּטפֿירער אויף קאָשטשיושקאָס אָרט איז אויסגעוויילט געוואָרן דורכן נאַציאָנאַלן ראַט טאָמאַש וואַוזשעצקי. זײַן מיינונג איז געווען אַז צוליב דער געפֿערלעכער לאַגע דאַרף מען פֿאַרלאָזן פּראַגע, ווײַל פֿון רעכטן ברעג ווײַסל וועט מען ניט קענען פֿאַרטיידיקן די הויפּטשטאָט. דאָמבראָווסקי טראַכט אַז אויך וואַרשע וועט מען שוין ניט קענען אויפֿהאַלטן און מען דאַרף זיך באַפֿעסטיקן צווישן די טײַכן וואַרטע און אָדרע און דאָרט שטעלן אַ ווידערשטאַנד. דער נאַציאָנאַלער ראַט באַשליסט אָבער יאָ צו פֿאַרטיידיקן פּראַגע.

עס זענען אויסגעבויט געוואָרן שאַנצן פֿון ווײַסל־ברעג אין דער פֿאָרעם פֿון אַ דרייעק צו טאַרגוּוועק, קאַמיאָנקע און די זומפּן פֿון דער סאַסקע־קעמפּע. דער שפּיץ פֿון דער פֿאַרטיידיקונג־ליניע איז געווען דער פּראַגער ייִדישער בית־עולם (ערשט וואָס געעפֿנט אין יאָר 1789) און דער „זוויעזשיניעץ” (זאָאָלאָגישער גאָרטן). די סאַסקע־קעמפּע, וווּ 3000 וואַרשעווער און פּראַגער אײַנוווינערס האָבן אויסגעגראָבן אָקאָפּעס, איז געווען פֿאַראייניקט מיט פּראַגע דורך צוויי בריקן.

די צאַרישע אַרמיי אין אַ באַשטאַנד פֿון אַרום 25.000 מאַן, אָנגעפֿירט פֿון סוּוואָראָוון, האָט דעם צווייטן נאָוועמבער 1794 פֿאַרנומען די פּאָזיציעס הינטער פּראַגע. פּראַגע איז פֿאַרטיידיקט געוואָרן פֿון אַן אויפֿשטאַנד־אַרמיי פֿון 13.637 און 10.000 ציווילע מיטהעלפֿערס פֿון פּראַגע און וואַרשע. דעם ערשטן אַרטילעריע־אָנגריף האָט סוּוואָראָוו אונטערגענומען אויפֿן צווייטן טאָג קעגן די פּאָזיציעס וואָס זענען פֿאַרטיידיקט געוואָרן דורכן גענעראַל יאַקוב יאַשינסקי. די פּוילישע האַרמאַטן האָבן מיט דערפֿאָלג אָפּגעשלאָגן די מוראַדיקע אַטאַקעס און צוזאַמען מיט דער אַרמיי האָט אַרויסגעוויזן העלדישקייט די ציווילע באַפֿעלקערונג.

דעם 5טן נאָוועמבער פֿאַרטאָג קומט אַ צווייטער שטורעם־אָנ־

---

(15) ציטירט לויט מאַריאַ דלוסקאַ.

גריף אויף די פּאָזיציעס פון גענעראַל יאַשינסקי. דער שווידערלעכער קאַמף גייט איבער אויף שווערדן און באַגנעטן. ווען די אָפּגעשוואַכטע אויפשטענדלערס זעען אַז דער קאַמף איז אַ פאַרשפּילטער, ציִען זיי זיך צוריק צו דער ווײַסל־בריק. יאַשינסקי טראַכט אָבער ניט אויפצוגעבן דעם קאַמף כאָטש גענעראַל זאַיאָנטשעק באַפעלט אים צוריקצוטרעטן. „די שלאַכט איז פאַרשפּילט, אַ שאָד אומזיסטע קרבנות. טרעט אָפּ!” — זאָגט ער.

„אַזוי לאַנג ווי מײַנע מענטשן זענען גרייט אָנצוהאַלטן דעם קאַמף, וואָלט געווען אַ חרפּה צו אַנטלויפן פון דער שלאַכט” — ענטפערט גענעראַל יאַשינסקי, „איך בלײַב אויף מײַן פּאָזיציע און וועל קעמפן ביז צו לעצטן!”

„יעדער ווידערשטאַנד איז פּשוט אַ משוגעת! ווילסט שטאַרבן, בלײַבן!” — זאָגט גענעראַל זאַיאָנטשעק און פאַרקירעוועט זײַן אַרמיי צו דער בריק. יאַשינסקי ווערט אויפגעקאָכט. מיט געבײלטע פויסטן שרײַט ער אים נאָך: „פאַרראַט!”.

„פאָרויס!” — גיט ער אַ קאָמאַנדע צו זײַנע העלדן און וואַרפט זיך אין שלאַכט אין אַ פאַרצווייפלטן קאַמף. דער יונגער יאַשינסקי האָט דאַן אָנגעפירט מיטן 5טן און 7טן ליטווישן רעגימענט, ווי אויך מיטן ייִדישן פּאָלק פון בערעק יאָסעלעוויטש.

כמעט אַלע זענען אומגעקומען אין דער בלוטיקער שלאַכט, נאָר יאַשינסקי אַליין, אַ שווער פאַרוווּנדעטער, לאָזט ניט אַרויס די שווערד פון דער האַנט. די צאַרישע סאָלדאַטן קענען אים ניט פאַנגען אַ לעבעדיקן און זיי דערשטעכן אים מיט די באַגנעטן.

פּראַגע איז שוין פאַרלוירן און וואַרשע קען זיך מער ניט פאַרטיידיקן. סטאַניסלאַוו אויגוסט אַבדיקירט און פאָרט אָפּ קיין פּעטערבורג. עס קומט פאָר די דריטע צעטיילונג פון פּוילן: יעקאַטערינע בלײַבט מיט דער פאַרכאַפּטער ליטע, עסטרײַך מיט קראָקע, און וואַרשע פאַלט אַרײַן צו פּרײַסן.

בלויז דרײַ שעה האָט געדויערט סוּוואָראָווס בליץ־אַטאַקע אויף פּראַגע, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט מיט איר באַזונדערער שאַרפקייט. פון דער רעגולערער פּוילישער אַרמיי זענען געפאַלן 13.340 מאַן, צווישן זיי כמעט דער גאַנצער ייִדישער פּאָלק, וועמענס העלדישער אומקום אויף די פּראַגער פּאָזיציעס האָט אַרויסגערופן דערשטוינונג און באַוווּנדערונג אין דער פּוילישער געזעלשאַפט. די ייִדישע קעמפערס האָבן זיך ניט געלאָזט פאַנגען לעבעדיקערהייט און ערשט איבער זייערע טויטע גופים זענען די קאָזאַקן אַרײַן אין פּראַגע.

אין זײַנע זכרונות שרײַבט פראַנטשישעק קאַרפּינסקי וועגן דעם קאַמף אין פּראַגע און וועגן דער ראָלע פון ייִדישן פּאָלק:

„אַ גאַנצע וואָך האָט דאָס רוסישע חיל אונטער סוּוואָראָווס אָנפירונג זיך געגרייט צום אָנגריף. אונדזער אויפשטאַנד־אַרמיי איז געווען קליין אין צאָל. עס איז שוין געווען שפּעטער האַרבסט. די פּוילישע זעלנערס זענען געווען שלעכט אָנגעטאָן און אויסגעהונגערט. די וואַרשעווער באַפעלקערונג האָט זיך שוואַך אָפּגערופן און בלויז אַ קליינער טייל איז אַרויס צו הילף די אויפשטענדלערס, כדי צו פאַרטיידיקן פּראַגע.

בלויז דער ייִדישער פּאָלק איז ניט אָפּגעטראָטן פון די פּאָזיציעס, ווו ער האָט געטרײַ און מיט מסירת־נפש דערפילט זײַן חוב”.

וועגן גורל פון בערעק יאָסעלעוויטשן גופא ווייסט מען אַז אים מיט נאָך 10 פון פּאָלק איז אין דער לעצטער מינוט געלונגען דורכצורײַסן זיך קיין וואַרשע און דערנאָך אַוועק קיין אויסלאַנד, כדי צוצושטיין צו די פּוילישע לעגיאָנען וואָס האָבן געקעמפט אונטער נאַפּאָלעאָנען. עס איז פאַרבליבן אַ בריוו פון בערעקן צום גענעראַל יאַן הענריק דאָמבראָווסקי, דעם שעפער פון די פּוילישע לעגיאָנען, וועגן זײַן באַשלוס אַרײַנצוטרעטן אין זיי. (16) ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס וואַרשעווער פירשטנטום (17) און בלויז אַ קליינער טייל פון די לעגיאָנערן האָט זיך אומגעקערט קיין פּוילן, האָט זיך צווישן זיי אויך געפונען בערעק יאָסעלעוויטש וואָס איז געבליבן אין דינסט פון וואַרשעווער פירשטנטום, און איז אומגעקומען אין קאַמף מיט די עסטרײַכער אין דער שלאַכט הינטער קאָצק אין יאָר 1809. אַ באַשטעטיקונג דערפון איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן מיט אַ סך יאָרן שפּעטער אין דער „אַלגעמיינער לאַנדצײַטונג” (דזשיענניק פּאָווּשעכני קראַיאָווי) פון 1טן סעפּטעמבער 1831.

די ייִדישע הילף לטובת דער אינסורעקציע איז באמת געווען אַלזײַטיק. אחוץ די פינאַנציעלע בײַטראָגן און דער דירעקטער באַטייליקונג אין קאַמף, אין מיליטער־דינסט און אין טראַנספּאָרטבאַדינונג ווי בעלי־עגלות, האָבן ייִדן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין אויסשפּירדינסט לטובת די אויפשטענדלערס. די ייִדן ווי אַ מער ריוועוודיקער עלעמענט פון דער לאַנד־באַפעלקערונג, וואָס האָבן דערצו אָפט געקענט עטלעכע שפּראַכן, זענען געווען גאַנץ צוגעפּאַסט דורכצופירן אויסשפּיר־אַרבעט פאַרן פּוילישן מיליטער. עס זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן עס געטאָן גאַנץ אומזיסט, אויס איבערגעגעבנקייט צום אומאָפּהענגיקייט־אידעאַל, און אויך אַנדערע וואָס האָבן עס געטאָן פאַר געלט. עס איז אינטערעסאַנט אַז אין אָנהייב האָט מען אַפילו געטראַכט צו אָרגאַניזירן ספּעציעלע ייִדישע אויסשפּיר־אָפּטיילן אונטער דער אָנפירונג פון בערעק יאָסעלעוויטשן און יוסף אַראָנאָוויטשן.

אָפט האָט מען אויף די קהילות אַרויפגעלייגט דעם חוב נאָכצושפּיאָנירן דאָס רוסישע מיליטער און איבערגעבן די רעזולטאַטן דער אויפשטאַנד־קאָמאַנדע (18).

די ייִדישע פײַער־לעשער אין וואַרשע בעת דער אַטאַקע אויף דער שטאָט מצד סוּוואָראָוון אָדער מצד פּרײַסן, האָבן דורכגעפירט איינע פון די וויכטיקסטע פונקציעס פאַר דער פאַרטיידיקונג. עס זענען אין די שטאָטצירקלען געווען באַשטימט גרופּעס פון 30 פײַער־לעשערס — 20 ייִדן און 10 קריסטן — און זיי האָבן שטענדיק געמוזט זײַן גרייט צו לעשן שׂרפות.

עס איז אינטערעסאַנט אַ באַשרײַבונג פון אַ וואַרשעווער צײַטונג פון יאָר 1794 וועגן דער באַטייליקונג פון ייִדן בײַם גראָבן שוצגריבער קעגן דער געפאַר פון פײַנדלעכע אַטאַקעס אויף דער הויפּטשטאָט.

„דעם 12טן יוני אין דער פרי האָבן זיך פאַרזאַמלט אין וואַרשע 2000 ייִדן, און באַוואָפנטע מיט לאָפּעטעס זענען זיי געגאַנגען צו די שוצגריבער. דער מאַרש פון די ייִדן איז געווען זייער אַ פײַערלעכער: בראש איז געריטן אויף אַ פערד דער אָנפירער מיט אַן אויסגעשטרעקטער שווערד. אויפן וועג אַהין און צוריק האָט זיי באַגלייט אַ מוזיק־קאַפּעליע. די בירגער האָבן אַרויסגעקוקט פון די פענצטער און אַפּלאָדירט” (19).

ווען מען נעמט אין באַטראַכט אַז אין וואַרשע האָבן דאַן געוווינט ניט מער ווי 7000 ייִדן, מײַנט די ציפער פון 2000 פרײַוויליקע, וואָס האָבן געאַרבעט בײַ די שוצווערק פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט, די גאַנצע דערוואַקסענע מענערישע באַפעלקערונג.

---

(16) אין אַ בריוו וואָס גענעראַל קניאַזשעוויטש האָט געשריבן צו איינעם פון די מיטשעפערס פון די לעגיאָנען, וויביצקי, אין יאָר 1800, זאָגט זיך אַז דער פּאָלקאָווניק בערעק האָט אָנגעפירט אין איטאַליע מיט צוויי קאָמפּאַניעס.

(17) דאָס וואַרשעווער פירשטנטום איז אַנטשטאַנען ווען נאַפּאָלעאָן האָט שוין געהאַט צעקלאַפּט די פּרײַסן און עסטרײַכער אין אויסטערליץ און יענאַ און אויך פאַרנומען בערלין און ווין, ווו ער האָט דיקטירט זײַן ווילן. נאָכן באַפרײַען וואַרשע פון די פּרײַסן און דעם ווײַטערדיקן זיגרײַכן מאַרש האָט ער אין 1807 געשלאָסן מיט רוסלאַנד דעם טילזיטער אָפּמאַך און אײַנגעשטעלט דאָס וואַרשעווער פירשטנטום, וואָס האָלט אָן אַכט יאָר ביז עס ווערט אויפגעלייזט דורכן ווינער קאָנגרעס אין יאָר 1815, שוין נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה.

דאָס וואַרשעווער פירשטנטום האָט געהאַט אַן אייגענע רעגירונג מיט אַ זאַקסישן פּרינץ אָדער הערצאָג בראש (פרידריך אויגוסט) און מיט אַ פּוילישער אַרמיי וואָס האָט זיך אויך באַטייליקט אין די שפּעטערדיקע קאַמפן פון נאַפּאָלעאָנען קעגן עסטרײַך, פּרײַסן און רוסלאַנד.

(18) ציטירט לויט ד״ר רינגעלבלום.

(19) ציטירט לויט ד״ר רינגעלבלום.

דער עפּילאָג פון די שלאַכטן בײַ פּראַגע איז געווען פאַר די ייִדן אַ טראַגישער. נישט נאָר איז געפאַלן דער גאַנצער בערעק יאָסעלעוויטשעס פּאָלק, נאָר עס איז אויך אומגעקומען כמעט די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג פון דער פאָרשטאָט. פּראַגע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שוידערלעך בילד: צווישן די חורבות פון די אָפּגעברענטע הײַזער זענען געלעגן קופּעס מתים און צעקריפּלטע טיילן גופים, און אויך די ברעגן פון דער סאַסקע־קעמפּע זענען באַדעקט געוואָרן מיט טויטע קערפּערס, און עס איז אפילו נישט געווען ווער עס זאָל זיי באַגראָבן.

וועגן די דאָזיקע בלוטיקע טעג — באַקאַנטע אין דער ייִדישער געשיכטע אונטערן נאָמען „פּראַגער שחיטה" — איז פיל געשריבן געוואָרן און עס האָט זיך אַפילו אויפגעהיט בײַ ייִדן די לעגענדע וועגן נגיד שמואל זביטקעווער, וועלכער זאָל האָבן געטיילט צו גאָלדענע רענדלעך פאַר יעדן געבראַכטן לעבעדיקן ייִדן און צו זילבערנע רענדלעך פאַר יעדן קערפּער פון אַן אומגעקומענעם ייִדן. אַ פאַקט איז אַז פאַרשידענע היסטאָריקערס און זכרונות־שרײַבערס טרעפן זיך צונויף אין שילדערן אויפן זעלבן אופן די פּראַגער טראַגעדיע. אַזוי צב"ש, באַשטעטיקט דער רוסישער גענעראַל ענגעלהאַרט, אין זײַן בוך זכרונות, אַרויסגעגעבן אין פּויזנע אין 1873, אַז נאָך דער פּראַגער שלאַכט האָט מען אויף שריט און טריט געזען געהרגעטע און שטאַרבנדיקע. בײַם ווײַסל־ברעג זענען געלעגן הויפנס טויטע זעלנערס און ציווילע, — ייִדן, גלחים, פרויען און קינדער.

וואָס שײַך דער צאָל ייִדישע קרבנות, איז אין אַלטן פּנקס פון פּראַגער חברה־קדישא אויסגערעכנט אַ גרויסע ליסטע. אויך אין אַ תחינה וואָס איז אַרויס אין נאָווידוואָר אין יאָר 1813 ווערן דערמאָנט די געפאַלענע אין פּראַגע.

אָבער נישט בלויז ייִדן זענען אומגעקומען, אויך כמעט די גאַנצע פּוילישע ציווילע באַפעלקערונג איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט אין דער שלאַכט וואָס האָט באַרימט געמאַכט די שטאָט — ווי עס שטעלט פעסט די פּוילישע היסטאָריקערין מאַריאַ דלוסקאַ (20).



ייִדן אין דער זיכערקייטס־וואַך אין וואַרשע, 1831.

---

(20) לויט מאַריאַ דלוסקאַ איז אויסגעראָטן געוואָרן ביזן וואָרצל די גאַנצע פּראַגער באַפעלקערונג.

מאַריאַ דלוסקאַ: „פון אונדזער עבר" דערשינען אין מלוכה־פאַרלאַג פון שול־אויסגאַבעס, וואַרשע 1947.

ב. מאַרק — וואַרשע

ייִדן אין דער געשיכטע פון פוילן

1

רענעסאַנס

די רענעסאַנס־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אַדורכגעטראָגן מיט אַ געוואַלדיקער קראַפט אין אַ ריי לענדער פון מערב־ און צענטראַל־אייראָפּע זינט דעם 14טן און אין משך פון 15טן, 16טן און דער ערשטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט, האָט אויך נישט אויסגעמיטן די ייִדישע באַפעלקערונג פון די דאָזיקע לענדער. די רענעסאַנס־באַוועגונג איז געבוירן און באַדינט געוואָרן דורך די ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער עקאָנאָמישער באַזע פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט אין די אויסגערעכנטע יאָרהונדערטער אין אַ ריי פאָרגעשריטענע דעמאָלט לענדער. אין שויס פון דעם פעאָדאַלן סיסטעם זענען אויפגעקומען די ערשטע שפּראָצן פונעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע־אופן. אין אַזעלכע לענדער ווי איטאַליע, טשעכיע און פוילן, ווו די ייִדישע באַפעלקערונג האָט זיך אין יענעם פּעריאָד געפונען אין ענגע ווירטשאַפטלעכע באַציִונגען מיט דער אַרומיקער סביבה, האָבן די ענדערונגען, ד״ה דער אויפקום פון די נײַע, פּרי־קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע־פאָרמען, אַרויסגערופן בײַ די ייִדן, — פּונקט ווי אין לאַנד בכלל — די דערשײַנונג פון רענעסאַנס.

אין דער געשיכטע פון די ייִדן אין פוילן שאַפט די רענעסאַנס־ און הומאַניזם־תקופה איינעם פון די שענסטע פּעריאָדן. דער אויפבלי פון ייִדישן ייִשוב אין פוילן, די אַזוי גערופענע גאָלדענע תקופה פון אונדזער געשיכטע, איז ענג פאַרבונדן מיט דער צײַט פון פוילישן רענעסאַנס.

די אַלטע היסטאָריאָגראַפיע — סײַ די פוילישע, סײַ די ייִדיש־פוילישע — האָט געזען אינעם פוילישן רענעסאַנס און אינעם רענעסאַנס אין דער ייִדישער סביבה אין פוילן אַ פּראָדוקט פון אײַנפלוסן פון מערב, אַן איבערפלאַנצונג פון אידייען, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן אין איטאַליע. די מאַרקסיסטישע היסטאָריאָגראַפיע וואַרפט נישט אָפּ דעם מאָמענט פון געוויסע אײַנפלוסן, וואָס זענען געקומען פון איטאַליע און טשעכיע. אָבער די וואָרצלען פונעם רענעסאַנס אין פוילן שטאַמען נישט פון אויסלענדישע אײַנפלוסן, נאָר פון היימישן פוילישן באָדן. די נײַע שטרעמונגען וואָס זענען געקומען פון איטאַליע וואָלטן זיך נישט אָנגענומען אין פוילן, ווען דער באָדן וואָלט דאָ נישט געווען גרייט פאַר זיי. דער פוילישער רענעסאַנס איז אַ רעזולטאַט פון די ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין פוילן גופא. אַזוי אַרום איז דער פוילישער רענעסאַנס אַן אייגענע דערשײַנונג פון דער אַנטוויקלונג פון דעמאָלטיקן פוילן. און דער רענעסאַנס, וואָס האָט זיך אין 15טן, 16טן און טיילווײַז אין 17טן יאָרהונדערט פאַרשפּרייט צווישן די פוילישע ייִדן, איז אויך געווען אַ רעזולטאַט פון דער אַנטוויקלונג פון לאַנד און פון די ענדערונגען וואָס זענען אַרײַנגעקומען, אונטערן אײַנפלוס פון אָט דער אַנטוויקלונג, אין די עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען פון דעם ייִדישן ייִשוב. אויך דער אײַנפלוס פון די רענעסאַנס־אידייען וועלכע האָבן געהערשט בײַ די ייִדן אין איטאַליע, בתוכם אויך בײַ די ייִדישע עמיגראַנטן פון די אינקוויזיציע־פאַרכאַפּטע לענדער שפּאַניע און פּאָרטוגאַל —, איז געווען קענטיק בײַ די ייִדן אין פוילן. אינעם פּרי־רענעסאַנס־פּעריאָד, אין דער ערשטער העלפט פון 15טן יאָרהונדערט, האָט אַ געוויסע השפּעה געהאַט אויף די ייִדן אין פוילן די ראַדיקאַלע שטרעמונג אין טשעכישן הוסיטיזם, דער טאַבאָריטיזם, מיט וועלכן די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון די טשעכישע ייִדן האָבן זייער ענג צוזאַמענגעאַרבעט. די הוסיטישע אידייען און דעם געדאַנק פון געמיינזאַמען קאַמף קעגן דער פעאָדאַלער קאַטוילישער אידעאָלאָגיע, קעגן דעם אינקוויזיציע־טעראָר און פאַר מענטשן־ און פעלקער־פאַרברידערונג האָט צו די ייִדן אין פוילן געבראַכט דער פּראָגרעסיווער ייִדישער דענקער פון טשעכיע יום־טוב ליפּמאַן פון מילהויזן, וועלכער האָט געפונען אַן אַזיל אין פוילן און האָט געפירט אַ טעטיקייט וואַרשײַנלעך צוזאַמען מיטן באַרימטן טשעכישן קעמפער און נאָענטן מיטאַרבעטער פון יאַן הוס — היעראָנים פון פּראַג (פאַרברענט געוואָרן אויף אַ שײַטער־הויפן דורך דער אינקוויזיציע אין דער זעלבער צײַט וואָס יאַן הוס).

אין צוויי פון די פריִער דערמאָנטע לענדער — איטאַליע און פוילן — איז די פּראָפעסיאָנעלע סטרוקטור פון די ייִדן געווען אַן אַנדערע ווי, למשל, אין פראַנקרײַך און דײַטשלאַנד. אין די לעצטע צוויי לענדער האָבן די ייִדן — אַרויסגעשטויסענע דורך דער פּאָליטיק פון די פירשטן, פון דעם שטאָטישן פּאַטריציאַט און פונעם קאַטוילישן קלער פון אַלע פּראָדוקטיווע פּראָפעסיעס, פון ערדאַרבעט, מלאכה און טיילווײַז אַפילו פון האַנדל — געמוזט זיך נעמען צום וווּכער. אין דער זעלבער צײַט האָבן די ייִדן אין איטאַליע און פוילן, צוליב אַ ריי ווירטשאַפטלעכע און היסטאָרישע סיבות, זיך פאַרנומען דער עיקר מיט האַנטווערקערײַ, מיט אינטעלעקטועלע פּראָפעסיעס, טיילווײַז מיט ערדאַרבעט, מיט לאַנדווירטשאַפט בכלל, מיט אינטערנאַציאָנאַלן מיסחר, און אין אַ קלענערער מאָס מיט קרעדיט. די ייִדן אין איטאַליע זענען געווען אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס פאַרטרעטן אין די אונטערנעמונגען מיט די נײַע פּרי־קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע־פאָרמען. אויך אין פוילן האָבן מיר דאָ אַן ענלעכע דערשײַנונג, הגם אין אַ קלענערן פאַרנעם און בײַ אַנדערע פאַרהעלטענישן, וואָרעם פוילן איז, ראשית, געווען פון מלוכישן שטאַנדפּונקט צענטראַליזירט, והשנית — איז די אינערלעכע קעגנזײַטיקע עקאָנאָמישע קאָנקורענץ אין די שטעט אין פוילן געווען אָן אַ שיעור גרעסער ווי אין איטאַליע.

ווען מען בלעטערט אַדורך די גאַנץ קאַרגע אַנטי־ייִדישע ליטעראַטור פון יענער צײַט אין פוילן, ווערט מען ממש דערשטוינט פון די אין תוך פּאָזיטיווע פאַקטן, וועלכע די העצער ברענגען, וועגן דער פּראָפעסיאָנעלער סטרוקטור פון די פוילישע ייִדן אין דער עפּאָכע פון דעם רענעסאַנס. די דאָזיקע פאַקטן דערציילן וועגן דער גרויסער צאָל ייִדישע בעלי־מלאכות אין די פאַרשידנסטע געביטן פון דער פּראָדוקציע, וועגן דער ראָלע פון ייִדן עקספּאָרטערן און אימפּאָרטערן, וועגן דעם באַדײַט פון ייִדן אַרענדאַרן פון מלוכישע אונטערנעמונגען בײַם שטאַרקן די צענטראַליזאַציע פון דער פוילישער מלוכה — אין קעגנזאַץ צו די טענדענצן פון דעם דײַטשן עלעמענט, פון שטאָטישן פּאַטריציאַט און פון אַ טייל העכערער שליאַכטע.*) דער פוילישער היסטאָריקער און עקאָנאָמיסט פּראָפ׳ יאַן רוטקאָווסקי שטרײַכט אונטער אין זײַנע אַרבעטן די באַדײַטנדיקע ראָלע פון די ייִדישע האַנטווערקערס, לוין־אַרבעטער

---

*) אין די שפּעטערדיקע צײַטן, ווען פוילן ווערט אינערלעך צעריסן דורך די מאַגנאַטן, שפּילן סירוב די ייִדישע אַרענדאַטאָרן שוין אַן אַנדער ראָלע — זיי דינען די מאַגנאַטן.

און אונטערנעמער אין דער אַנטוויקלונג פון דער פאַרלאַג־ און מאַנופאַקטור־פראָדוקציע אין פוילן, אָט די ערשטע פאָרמען פון דעם פרי־קאַפיטאַליסטישן, בשעתו פראָגרעסיוון סיסטעם.

אַ וויכטיקע ראָלע בייַם דערנענטערן זיך מיט געוויסע טיילן פון דער פוילישער באַפעלקערונג האָבן געשפילט סייַ אין איטאַליע, סייַ אין פוילן די ייִדישע דאָקטוירים, די ייִדן מאַטעמאַטיקער, פיזיקער, אַסטראָנאָמען, די ייִדן איבערזעצער פון דער פרייַדענקערישער אַראַבישער פילאָסאָפיע אויף לאַטיין, בכלל — דער גאַנצער שיכט ייִדישע אינטעלעקטואַלן, וועלכע זענען אַזוי גרויס אין צאָל אין איטאַליע און זענען גאַנץ באַדייַטנדיק רעפרעזענטירט אויך אין פוילן. די רענעסאַנס־עפאָכע, וועלכע האָט געבוירן — ווי ענגעלס דריקט זיך אויס אין זייַן ווערק „די דיאַלעקטיק פון דער נאַטור" — ריזן פון כאַראַקטער און ריזן פון וויסן, האָט ענלעכע געשטאַלטן אַרויסגערופן צום לעבן אויך בייַ ייִדן, באַזונדערס אין איטאַליע און, הגם אין אַ קלענערער מאָס, אויך אין פוילן. אין יענער תקופה אין פוילן, אין דער צייַט פון דער יאַגעלאָנישער דינאַסטיע, וועלכע פאַלט זיך צונויף מיטן גלאַנצפעריאָד פון פוילישן רענעסאַנס, האָבן מיר ענערגישע און אויפגעקלערטע ייִדישע אונטערנעמער, וועלכע האָבן גרויסע פאַרדינסטן בייַם אַנטוויקלען אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, באַזונדערס נאָכן צוריקגעווינען דורך קאַזשימיעזש יאַגעלאָנטשיק דעם צוטריט צום באַלטישן ים, דעם קרעדיט־וועזן. כאַראַקטעריסטיש איז די באַציִונג פון דעם קריסטלעכן שטאָטישן שטאַנד צו די ייִדן אינעם רענעסאַנס־פעריאָד. דאָרט ווו עס זענען געווען געמיינזאַמע אינטערעסן, דאָרט ווו עס זענען געקומען צום וואָרט די נייַע יונג־קאַפיטאַליסטישע כוחות, איז געווען אַ קעגנזייַטיקע צוזאַמענאַרבעט, און אין געוויסע געגנטן, למשל, אין ליטע, קאָן מען אפילו נאָטירן געמישטע חתונות, קעגן וועלכע עס האָט גענומען שטורעמען דער קאַטוילישער קלער, דערקעגן דאָרטן ווו עס איז גובר־געווען דער אַלטער צעכסיסטעם, דאָרטן ווו עס הערשן נאָך אַלמעכטיק די אַלטע פראָדוקציע־ און האַנדלס־פאָרמען פון פעאָדאַלן מיטל־עלטער, קומט צו אַ שטאַרקן אַנטאַגאָניזם, וועלכער ווערט אונטערגעהעצט דורכן רעאַקציאָנערן טייל פונעם קאַטוילישן קלער און ווערט דערפירט ביז בלוטיקע אַנטי־ייִדישע עקסצעסן.

אין יענער תקופה האָבן מיר אויך אין פוילן קאָלירפולע, אינטערעסאַנטע און נישט זעלטן קעמפערישע אַנטיפעאָדאַלע געשטאַלטן בייַ די ייִדן: ייִדן וועלכע אימפאָנירן די אויפגעקלערטע פאָליאַקן מיט זייער אַלזייַטיקן וויסן; ייִדן וועלכע ווערן צוגעלאָזט צו פילאָסאָפישע, רעליגיעזע און בכלל וועלטבאַנעם־דיסקוסיעס אין די העכסטע ערטער, אויפן קראָקעווער אוניווערסיטעט און אויפן קעניגלעכן הויף, ייִדישע הומאַניסטן וועלכע פירן אַ קאַמף און פאָפולאַריזירן קאָפערניקס רעוואָלוציאָנערן סיסטעם אין דער אַסטראָנאָמיע, ייִדן וועלכע רופן זייערע ברידער זיך צו נעמען צו נייַע, נייטיקע פראָפעסיעס, צו באַהערשן די לערע און די פאַכן פון מעכאַניק, צוצוטרעטן צו בילדונג. אין קעגנזאַץ צו דער לאַגע בייַ ייִדן אין שכנותדיקן דייַטשלאַנד, ווו די אינערלעכע גייַסטיקע מאַכט ליגט אין די הענט פון רבנים פאַנאַטיקער, רייַסט זיך אַרייַן אין דער ייִדישער געזעלשאַפט אין פוילן דער רענעסאַנס, דער דאָרשט צום וויסן, די מילד־פרייַדענקערישע פילאָסאָפיע (לויט ענגעלסעם אויסדרוק), די טראַדיציע פון מייַמאָנידעסן, וועלכע ווערט אין דער זעלביקער צייַט באַקעמפט דורך די דייַטשע און פראַנצויזישע רבנים. דאָס אַלץ גיט אַ גרונט דעם ערשטן היסטאָריקער פון די ייִדן אין פוילן, דעם אויפגעקלערטן פאָליאַק טאַדעוש טשאַצקי, צו מאַכן די פעסטשטעלונג אַז די פוילישע ייִדן האָבן אין דער רענעסאַנס־עפאָכע איבערגעשטיגן די ייִדן פון אַנדערע לענדער (מיטן אויסנאַם פון איטאַליע) אין הינזיכט פון וויסן און פון פראָדוקטיווע פראָפעסיעס.

צווישן די ייִדישע רענעסאַנס־געשטאַלטן אין פוילן טיילן זיך אויס אַ ריי קאָלירפולע פערזענלעכקייטן:

יום־טוב ליפמאַן פון מילהויזן, וועלכער געהערט צו דער געשיכטע פון די ייִדן אין ביידע סלאַווישע לענדער, אין טשעכיע און אין פוילן, האָט — פונקט ווי די קריסטלעכע פרייַדענקער, זיינע מיטצייַטלער, וועלכע זענען אַרויסגעטראָטן קעגן דעם „הייליקן וואַסער", דעם „כשעסט", — נישט געהאַלטן פון מילה. ער האָט געלערנט אַז נישט דאָס מל זיין דעצידירט וועגן אָנגעהעריקייט צום ייִדישן כלל און וועגן ערלעכקייט, נאָר אַ גוט האַרץ, אַ ריין געוויסן און ערלעכע מעשים. דאָס איז געווען כמעט אַ רעוואָלוציאָנערער אַרויסטריט אין יענער צייַט;

דער ייִד זול (עס איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן זייַן אמתער נאָמען), אַ פילאָסאָפיש־געבילדעטער מענטש, וועלכער איז איינגעלאַדן געוואָרן צו פירן דיסקוסיעס אויפן קעניגלעכן הויף;

דער מעדיצין־דאָקטאָר משה פישל, וועלכער איז אומגעקומען, פאַרטיידיקנדיק די ייִדישע קהילה, מיט אַ מאַרטירער־טויט אויף אַ שייַטער־הויפן;

דער הויך געבילדעטער דאָקטאָר און באַקעמפער פון די אַלטע דאָגמאַטיקער שמואל בן משולם, אַ צענטראַלע פיגור אין דער דעמאָלטיקער פוילישער רענעסאַנס־וועלט;

דער אָנהענגער פון מייַמאָנידעסעס פילאָסאָפיע, דער ראַציאָנאַליסט רב משה איסערלי (רמ"א), וועלכער האָט באַקעמפט דעם רעליגיעזן פאַנאַטיקער און קעגנער פון רמב"ם — דעם לובלינער רב שלמה לוריע. דער רמ"א האָט נאָך איין פאַרדינסט: ער האָט פאַקטיש אין גייַסטיקן זין קאָנסטיטויִרט די פוילישע ייִדן ווי אַ זעלבסטשטענדיקן ייִשוב אָפגעריסן פון דער אַפוטרופסות פון די קאָנסערוואַטיווע דייַטשע רבנים און דערנענטערט מיט די ייִדן פון סלאַווישן טשעכיע. מען דאַרף אָבער באַמערקן אַז דער רמ"א האָט נאָך טיילווייַז געשטעקט אין דער אַלטער סכאָלאַסטיק.

ווייַטער, די פילאָסאָפיש־געבילדעטע: אלעזר אשכנזי — אַ קענער פון 12 שפראַכן —, און אפרים לענטשיצער; דער לעצטער געהערט צום לינקן פאָלקס־טרייַען פליגל פון די הומאַניסטן און פירט אַ קאַמף קעגן דער גביראָקראַטיע און די קאָנסערוואַטיווע רבנים;

דער סעניאָר פון די ליטווישע ייִדן מיכאַל עזעפאָוויטש, וועלכער פירט אַ קאַמף קעגן די זעלביקע פאַנאַטישע רבנים און רוקט אַרויס די טראַדיציע פון מייַמאָנידעסן;

דער הויך געבילדעטער ראַציאָנאַליסט יוסף פלוי פון ליטע;

די ערשטע קעמפערין פאַר פרויענרעכט און פאַר רעפאָרמירן די דערציִונג סון ייִדישן קינד, רבקה טיקטינער;

דער איבערזעצער פון די „משלי שועלים" אויף ייִדיש, יעקב קאָפעלמאַן. סייַ דער לעצטער, סייַ רבקה טיקטינער שרייַבן אין דער שפראַך פון פאָלק, אין ייִדיש, און געהערן צו די פיאָנערן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין פוילן. בכלל דאַרף מען דאָ צוגעבן אַז — פונקט ווי דער רענעסאַנס האָט אַרויסגערוקט און פאַרטייִדיקט די נאַציאָנאַלע שפראַכן און גערופן צום לעבן די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן — אַזוי האָט ער אויך באַגינסטיקט די אַנטוויקלונג און די חשיבות פון ייִדיש. די עפאָכע פונעם רענעסאַנס איז די געבורטסצייַט פון דער וועלטלעכער א"ג אַלט־ייִדישער ליטעראַטור, דער אָנהייב פון דער ליטעראַטור אין דער ייִדישער שפראַך.

פוילן פון דער רענעסאַנס־צייַט איז געווען אַ צוציִונגס־לאַנד פאַר פאַרשידענע פרייַע גייַסטער, וועלכע זענען אויפן מערב גערודפט געוואָרן סייַ דורך דעם קאַטוילישן קלער, סייַ דורך דער נייַער, נישט ווייניקער אייפעריקער פראָטעסטאַנטישער קירך. אין פוילן פון 15טן און 16טן יאָרהונדערט האָבן געפונען אַן אַזיל אַזעלכע אַנטיקירכלעכע אָפאָזיציאָנערן, וויסנשאַפטלער און פרייַדענקער ווי דאָקטאָר סערוועט, סאַנקאַר, סטאַטאָריוס, סאַצין א"אַנד. אויך ייִדישע געלערנטע און פרייַדענקער, גערודפטע סייַ דורך דער אינקוויזיציע, סייַ דורך די פאַנאַטישע רבנים, ווי דער באַרימטער מעדיקער שלמה קאַלאַהאַראַ, ווי דער גרעסטער אַנאַטאָמיקער פון יענער צייַט דאָקטאָר אַמאַטוס לוזיטאַנוס פון פאָרטוגאַל, ווי דער קעמפער פאַר קאָפערניקס סיסטעם און דער שילער פון גאַליליי, דער מאַטעריאַליסט און אַלזייַטיק געבילדעטער פילאָסאָף און מעדיקער יוסף־שלמה דעלמעדיגאָ, — האָבן געפונען אַן אָרט אין פוילן. פון דער צווייטער זייַט איז אַ נישקשהדיקע צאָל ייִדישע יוגנט אַוועק זיך לערנען אויף די איטאַליענישע אוניווערסיטעטן, בפרט אין פאַדואַ.

די רענעסאַנס־ און הומאַניזם־אידייען האָבן, נאַטירלעך, אַרומגעכאַפט נאָר אַ טייל פון די פוילישע ייִדן. אַזוי איז געווען אין פוילן בכלל און אַזוי איז אויך געווען בייַ די פוילישע ייִדן. דער רענעסאַנס איז זייער אַ קאָמפליצירטע דערשייַנונג און פאַר־

מאַכט אין זיך גופא קעגנזאַצן און ווידעראַנאַנדן. בעת איין טייל הומאַניסטן שטייט נאָענט צו די נויטן און לײַדן פון פאָלק און טרעט אַרויס שאַרף קעגן דער אַלטער פעאָדאַלער אידעאָלאָגיע און קעגן די געזעלשאַפטלעכע תּקיפים, מאַכט אַ צווייטער טייל אַ פּשרה מיט דעם רעליגיעזן וועלטבאַנעם און שטעלט זיך אויסשליסלעך אין שוץ פון די קלאַסן־אינטערעסן פון דער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע און אײַנצײַטיק אויך פון די אַלטע סוחרים און מלוכה־מאַכט. אינעם ייִדישן ייִשוב אין פּוילן גייט אָן אַ קאַמף צווישן די רענעסאַנס־פאָרשטייער, די ייִדישע הומאַניסטן, און די קאָנסערוואַטיווע רבנים, וועלכע האָבן מורא פאַר די נײַע ווינטן. אין איינעם מיט די לעצטע שטייען די אָנהענגער פון דער מיסטיש־רעליגיעזער קבלה־לערע. אין 15טן און אין 16טן יאָרהונדערט זענען גובר די טרעגער פון די רענעסאַנס־אידייען. אין 17טן יאָרהונדערט קומט אויף אַן אָנגריף פון צוויי זײַטן: עס פאַרשטאַרקט זיך דער קעגנאָנגריף פון די פעאָדאַלע עלעמענטן, עס פאַרגרעסערט זיך די קאַטוילישע רעאַקציע מיטן יעזויִטישן אָרדן בראָש, עס פלאַקערן אויך אויף אין פּוילן שײַטער־הויפנס, עס קומט ווידער אויף דאָס געשפּענסט פון בלוט־בילבול; מען ברענט אויף די שײַטער־הויפנס פּוילישע כופרים, פרײַדענקער, מען ראַבירט פּראָטעסטאַנטישע געבעט־הייזער, מען ברענט אויך אומשולדיקע ייִדן. און פון דער צווייטער זײַט פאַרשטאַרקט זיך דער אײַנפלוס פון די פאַנאַטישע רבנים און פון דער קבלה. סײַ אין איטאַליע, סײַ אין פּוילן קומט די ירידה פון דער רענעסאַנס־באַוועגונג. די אַלע דערגרייכונגען וועלכע עס האָבן אויסגעטראָגן און דעראָבערט די פּיאָנערן און שעפער פונעם רענעסאַנס בײַ די ייִדן אין פּוילן ווערן צעשטערט אונטערן דרוק פון די ווײַטערדיקע געשעענישן אין פּוילן, פון דעם צערײַסן אינערלעך און צעטרענצלען די מלוכה דורך די מאַגנאַטן, פון דעם אַראָפּשטויסן די ראָלע פון די שטעט, קורץ גערעדט — אונטערן דרוק פונעם קאָנטערזיג פון דעם פעאָדאַליזם און אויך דורך די פעאָדאַל־קלעריקאַלע עלעמענטן אין דער ייִדישער סביבה.

איינער פון די אומעטיקסטע אויסדרוקן פון דער דאָזיקער ירידה איז געווען די אויסשפּרייטונג פון דער פאַרפירערישער שבתי־צבי־באַוועגונג צווישן די ייִדן אין פּוילן און פון דער פּראַקטישער קבלה מיט איר גאַנצן אָבערגלויבערישן קלאַפּער־געצייג — די רוחות, קליפּות, דיבוקים, נסים וכדומה.

פון דער צווייטער זײַט איז די רענעסאַנס־תּקופה אין פּוילן בכלל און בײַ די פּוילישע ייִדן בפרט געווען רײַך אין סאָציאַלע קאַמפן, וועלכע האָבן אָנגענומען פאַרשידענע פאָרמען און זיך באַזונדערס געשטאַרקט אין דעם לעצטן פּעריאָד פון דער רענעסאַנס־באַוועגונג.

נישט איינע פון די ייִדישע רענעסאַנס־געשטאַלטן איז אַליין געווען אַן עקספּלואַטאַטאָר. ס'איז גענוג אָנצורופן דעם נאָמען פון דעם סעניאָר פון די ליטווישע ייִדן עזעפאָוויטש, וועלכער איז אַ דאַנק זײַן שטעלונג אי אַלס סעניאָר, אַלס הויפּט־מוכס פון די ייִדישע שטײַערן, אי אַלס פירער פון דעם קעניגס און מאַגנאַטישע געשעפטן געוואָרן שטיין רײַך און אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט אין ברייטע ייִדישע שיכטן. דער קאַמף צווישן די ייִדישע בעלי־מלאכות און די ייִדישע סוחרים — סוחרים — אונטערנעמער פון דער פאַרלאַג־אינדוסטריע איז געווען אַ גענוג שאַרפער. וואָס ווײַטער האָט זיך דער קאַמף אַלץ מער פאַרשאַרפט. אַן אילוסטראַציע צו אָט דעם קלאַסנקאַמף זענען אַ ריי פּנקסים.*)

ווען מען רעדט וועגן דעם פּוילישן רענעסאַנס איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דעם פּראָבלעם: די באַציִונג פון די רענעסאַנס־שעפער און פון די הומאַניסטן צו די רדיפות אויף ייִדן.

אין דער ייִדישער געשיכטע איז ברייט באַקאַנט דער קאַמף פון די דײַטשע הומאַניסטן רויכלין און הוטען קעגן די אַנטי־ייִדישע פּראָוואָקאַציעס און בילבולים פון דער קאַטוילישער אינקוויזיציע און פונעם משומד און פּראָוואָקאַטאָר פּפעפערקאָרן. עס איז אויך באַקאַנט די מענטשלעכע רעאַקציע פון דעם באַרימטן ראָטערדאַמער הומאַניסט עראַזם און פונעם איטאַליענישן הומאַניסט פּיקאָ דע מיראַנדאָלאַ קעגן דעם אַרויסטרײַבן די ייִדן פון שפּאַניע.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון די איטאַליענישע פּויערים אונטער דער אָנפירונג פון דולטשינאָ און אַנדערע, די נאַציאָנאַל־ און סאָציאַל־באַפרײַערישע באַוועגונג פון די טאַבאָריטן אין טשעכיע, דער פּויערים־אויפשטאַנד אונטער דער אָנפירונג פון טאָמאַס מינצער אין דײַטשלאַנד, — אָט די אַלע פאָלקס־באַוועגונגען, וועלכע שאַפן דרײַ עטאַפּן אין דעם אַנטיפעאָדאַלן קאַמף פון די פּויערישע און שטאָטישע פּלעבעיִשע מאַסן, האָבן געטראָגן לאָזונגען פון מענטשן־ און פעלקער־גלײַכקייט, און קעמפט, דירעקט אָדער אומדירעקט אויך פאַר דער גלײַכבאַרעכטיקונג פון די ייִדן. „אַ קריסט, אַ סאַראַצענער (מוסולמענער), אַ געצן־דינער, אַ ייִד, אַלע זענען זיי גלײַך" — דאָס איז געווען די לאָזונג פון אָט די באַוועגונגען.

אין פּוילן האָבן די פאָרשטייער פון דער אַנטי־פעאָדאַלער אידעאָלאָגיע שוין אין די ערב־ און פרי־רענעסאַנס־צײַט גענומען אין שוץ די גערודפטע ייִדן. איינע פון די שענסטע געשטאַלטן פון דער דאָזיקער צײַט, דער דירעקטאָר פון קראָקעווער אוניווערסיטעט און פאַרטיידיקער פון יאַן הוס, פּאַוועל וולאַדקאָוויץ, איז אין זײַנע שריפטן אַרויסגעטראָטן קעגן די גירושים פון די ייִדן און האָט דערקלערט אַז די ייִדן זענען גלײַך מיט אַלע בירגער (אײַנוווינער) פון לאַנד. אַזאַ אַרויסטריט מצד אַן אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר איז אין יענער צײַט געווען אַ זייער דרײַסטער שריט.

דער לערער פון די פּוילישע הומאַניסטן קאַלימאַך (בלאָנאַקאָרזי) האָט אָפן פאַרטיידיקט די ייִדן און געקעמפט קעגן אַריבערטראָגן זיי פון קראָקע קיין קאַזשימיעזש, דער פאָרשטאָט פון דער קעניגלעכער רעזידענץ.

עס זענען באַקאַנט שריפטן פון אַנאָנימע מחברים פון די קרײַזן פון דער לינקער גרופּע „די פּוילישע ברידער" אין וועלכע עס ווערט שאַרף באַקעמפט דער בלוט־בילבול.

געוויסע פאָרשטייער פון פרײַען געדאַנק אין פּוילן האָבן געשאַפן ספּעציעלע שטעטלעך אין וועלכע ייִדן פון מערב, געיאָגטע און געפּלאָגטע דורך דער אינקוויזיציע, זאָלן זיך קאָנען אײַנאָרדענען און זיך אויסלעבן פרײַ.

נאַטירלעך זענען אויך צווישן די רענעסאַנס־מענטשן אין פּוילן געווען אַזעלכע וואָס האָבן דאָ און דאָרט אַ טשעפּע געטאָן די ייִדן. אָבער דאָס איז אַרויסגעפלאָסן פונעם כאַראַקטער פון דער רענעסאַנס־באַוועגונג, וועלכע איז געווען זייער אַ ברייטע און האָט אַרײַנגענומען אין זיך פאַרשידענע עלעמענטן; אויפן רעכטן פליגל פונעם רענעסאַנס האָבן זיך געפונען, ווי געזאָגט, אויך אַזעלכע עלעמענטן וואָס האָבן געמאַכט, צוליב מורא פאַר די רעוואָלוציאָנערע פאָלקס־באַוועגונגען, אַ פּשרה מיט דעם פעאָדאַלן וועלטבאַנעם.

די אמתע טרעגער פונעם הומאַניזם אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער זענען אַרויסגעטראָטן אין שוץ פון באַעוולטן מענטש, פון די אונטערדריקטע פאָלקסמאַסן און פון די גערודפטע ייִדן. די וולאָדקאָוויצעס און מאָדזשעוווסקים, די פאָרגייער פון דעם פּוילישן פּראָגרעסיוון געדאַנק, גייען אַרײַן אין דעם פּאַנטעאָן פון די שענסטע געשטאַלטן פון דער מענטשהייט. צוזאַמען מיט קאָפּערניק, יאַן פון לודזשיסק, וולאָדקאָוויץ, גאַלקאַ, מאָדזשעוווסקי און אַנדערע ווערן דערמאָנט מיט יראת הכבוד אויך די ייִדישע רענעסאַנס־געשטאַלטן, וועלכע האָבן זיך מיט גאָלדענע אותיות אַרײַנגעשריבן אין דער געשיכטע פון די ייִדן אין פּוילן ווי קעמפער קעגן פעאָדאַליזם, קעגן פינצטערניש, קעגן פאַרקריפּלטער עקאָנאָמיק, פאַרן קריטישן געדאַנק, פאַר ליכט און וויסן, פאַר פּראָדוקטיוויזאַציע, פאַר די רעכט פון פאָלק, פאַר דערנענטערונג און צוזאַמענאַרבעט מיט די פּראָגרעסיווע כּוחות פון פּוילישן פאָלק און פון דער מענטשהייט.

דערלערנען און באַשרײַבן די דאָזיקע וויכטיקע תּקופה אין דער געשיכטע פון די ייִדן אין פּוילן, אירע דערגרייכונגען און שאָטנזײַטן, דעם קלאַסנקאַמף וואָס האָט זיך אויף איר פאָן אַנטוויקלט, דאַרף זײַן אַן ערן־אויפגאַבע פאַר די ייִדישע היסטאָריקער. אין אַלגעמיינעם לאַנדדמאָסשטאַב גייט איצט אָן בײַ די פּוילישע היסטאָריקער אַ פיבערדיקע פאָרשונג־ און פאַרלאַג־טעטיקייט אַרום די גרונטפּראָבלעמען פון רענעסאַנס בכלל און פון פּוילישן

---

*) זע דעם פּנקס פון דער חברה קדישא אין זאַמאָשטש און דעם פּנקס פּויזן אין דער באַאַרבעטונג פון אפרים קופּפער.

רענעסאַנס בפרט. עס ווערן פּליַיסיק געפּאָרשט די עקאָנאָמישע וואָרצלען פון פּוילישן רענעסאַנס, די ערשטע שפּראָצונגען פון קאַפּיטאַליזם אין פּוילן, די אידעאָלאָגיעס פון די רענעסאַנס־פּאָרשטייער, די פּאָלקישע קאַמפּס־באַוועגונגען אין שטאָט און אין דאָרף, דער אויפקום פון דער פּוילישער ליטעראַטור. די פּוילישע היסטאָריקער וועלכע זוכן — מיט דער הילף פון מאַרקסיסטישן מעטאָד — אָן ענטפער אויף אַ ריי גרונטיקע פראַגעס פון יענער עפּאָכע נעמען אַריַין אין זייערע פאָרשונגען אויך דעם יִדישן סעקטאָר, זיַין ראָלע און באַדיַיט און זיַין אינערלעכע געשטאַלטיקונג אויפן פאָן פון די אַלגעמיינע ענדערונגען.

אויך דער יִדישער היסטאָרישער אינסטיטוט, וואָס זיַין וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אַרבעט ווערט פּלאַנירט אין די אַלגעמיינע ראַמען פון דער טעטיקייט פון דעם פּוילישן אינסטיטוט פאַר געשיכטע ביַי דער פּוילישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, איז צוגעטראָטן צו ברייטערע שטודיעס איבער די פּראָבלעמען פון אַלגעמיינעם און פּוילישן רענעסאַנס אין זייער אויסווירקונג אויף דער יִדישער סביבה און איינציַיטיק איבערן פּראָבלעם פון דעם צושטיַיער פון די יִדן צו דער רענעסאַנס־באַוועגונג און צו די עקאָנאָמישע ענדערונגען וואָס האָבן געבוירן און באַדינגט דעם רענעסאַנס.

2.

יידן — העלדן אין פאַרצייטיקן פּוילן

אין דער באַלעבאַטישער היסטאָריאָגראַפיע, ליטעראַטור און טראַדיציע האָט זיך געשאַפן אַ נישט־ריכטיק, פאַרקריפּלט בילד פון דעם טיפּ פון יִדישן פאָלקסמענטש אין די אַמאָליקע ציַיטן, און געמלעך: אַ טיפּ פון אַ געבויגענעם, שוואַכן, תמיד געשלאָגענעם און דערשלאָגענעם יִד, וועלכער איז נישט פעיִק צו פּראָטעסט און ווידערשטאַנד, וועלכער באַטראַכט דאָס גאַנצע לעבן ווי אַ קאָרידאָר (פּרוזדור) צום טויט, צום עולם הבא. עס איז גענוג זיך צו באַקענען אַפילו אויבנאויפיק מיט אַ ריי יִדישע און פּוילישע דאָקומענטן, אָנהייבנדיק פון די סאַמע וויַיטסטע יאָרהונדערטער, כדי צו באַקומען אין גאַנצן אַן אַנדער, פּונקט אַ פאַרקערט בילד: יִדן אין פאַרציַיטיקן פּוילן זענען געווען פיזיש געזונטע, פעסטע מענטשן מיט גליַיכע רוקנס; יִדן, וואָס האָבן געקענט האַלטן אַ שווערד און אַ ביקס אין האַנט; יִדן, וואָס זענען געווען אויסגעצייכנטע ריַיטערס; יִדן, וואָס האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט — נאַטירלעך, ווו עס זענען געווען באַדינגונגען — דעם אויסערלעכן און אינערלעכן שונא. אוודאי איז אויך געווען דער טיפּ פון געבויגענעם, אייביק דערשראָקענעם יִד. אָבער דער דורכשניטלעכער יִדישער פאָלקס־טיפּ איז געווען אַזאַ ווי עס צייכענען אים די אַנטשפּרעכנדיקע, אמתע, היסטאָרישע קוואַלן. אַזוי, למשל, שריַיבט דער באַרימטער ריַיזנדער אולריך פאָן ווערדען, וועלכער האָט באַזוכט פּוילן אין 17טן י״ה, אַז „די פּוילישע יִדן זענען העכער, געוויקסיקער און פיזיש שטאַרקער איידער די יִדן אין דיַיטשלאַנד.“ אַן ענלעכע ציַיגעניש שטעלט אויס די יִדן פון די דעמאָלטיקע דרום־פּראָווינצן פון פּוילן דער שליח פון קעניג זיגמונט אויגוסט קאָממענדאָני. אַפילו דער יודאָפאָבישער מחבר מיטשינסקי מוז אין זיַין בילבולים־פולער בראָשור פון 1618 יאָר מודה זיין אַז צווישן די פּוילישע יִדן זענען פאַראַן ריזיקע יונגען, וועלכע קאָנען זיך גוט באַגיין מיט שווערד און בויגן און זענען אויסגעצייכנטע פערדריַיטער.

אַזעלכע יִדן האָבן נישט פאַרטאַכלעוועט זייער גבורה. שוין פון די עלטסטע ציַיטן דערשיַינען זיי ווי פּאַטריאָטן פון זייער היימלאַנד און ווי דריַיסטע קעמפער קעגן פרעמדע אָנפאַלער.

אין אַ גאַנצער ריי שטעט אין 13טן יאָרהונדערט זענען יִדן, צו גליַיך מיט די נישט־יִדישע מיעשטשאַנעס אין פּיאַסטישן פּוילן, געווען פאַרפליכטעט צו זיַין באַוואָפנט און אַקטיוו אָנטייל צו נעמען אין דער פאַרטיידיקונג פון די שטעט קעגן אָנפאַלן. און באמת: ווען עס לאָזט זיך אַראָפּ אויף פּוילן אין 13טן י״ה די געפערלעכע אינוואַזיע פון די מאָנגאָלן, נעמען די שלעזישע יִדן אָנטייל אין דער באַוואָפנטער שוץ פון די שטעט און שטעלן זיך אַקעגן דער ריזיקער, פאַרטיליקנדיקער טאַטאַרישער כוואַליע. אין די שפּעטערדיקע דורות, ווען גרופּעס פּוילישע באַדנלאָזע ריטער פון גרויס־

פּוילן אָרגאַניזירן זיך אין רויבערישע באַנדעס און באַאומרויִקן די האַנדלסוועגן, נעמען פּויזנער יִדן, גוט באַוואָפנטע, אַן אַקטיוון אָנטייל אין די עקספּעדיציעס קעגן די דאָזיקע רויבריטער און האַלטן אָפּ שלאַכטן, פאַרטריַיבנדיק די אָנפאַלער, און רייניקן אויס די שליאַכן. ווי עס דרינגט אַרויס פון יִדישע און פּוילישע מקורים זענען יִדן אין דער ציַיט פון רענעסאַנס געווען באַוואָפנט און זיך געקענט באַגיין מיט געווער. די פּערזאָן פון יום־טוב ליפּמאַן פון מילהויזן פאַרקערפּערט דעם יִדישן אָנטייל אין די הוסיטישע פריַיהייטקאַמפן, וועלכע האָבן זיך איבערגעטראָגן אויך קיין פּוילן.

פּוילישע און וואָלינער יִדן האָבן אָנטייל גענומען מיט געווער אין האַנט אין די פאַרטיידיקונגס־קאַמפן קעגן די אָפטע איבערפאַלן פון טאַטאַרן און טערקן אין 16טן און אָנהייב 17 י״ה. אין די שאלות ותשובות פון די פּוילישע רבנים מהר״ם פון לובלין, יואל סירקיס פון קראָקע און אַנדערע ווערט דערציילט וועגן אַ יִדישן פאָלקסהעלד בערעק, דער זון פון אהרן פון טישאָוויצע, וועלכער ווערט אין אָט די מאַטעריאַלן אָנגערופן מיט דעם נאָמען „ריטער“; ער האָט העלדיש געקעמפט קעגן שונא ביזן לעצטן אָטעם און איז אומגעקומען אויפן שלאַכטפעלד אַ צעשניטענער דורך די טאַטערישע שאַבלעס. די שאלות ותשובות פון אַנדערע רבנים דערמאָנען נאָך אַנדערע נעמען פון יִדישע פאָלקסהעלדן וועלכע זענען געפאַלן אין קאַמף קעגן די טאַטאַרן און טערקן, ווי מרדכי יוספס זון, יוסף, ברוך קאָזאַק און נאָך. נאַטירלעך האָט די רבנים אינטערעסירט קודם כל די פראַגע פון די עגונות וואָס זענען געבליבן נאָך די פאַרפאַלן געוואָרענע גיבורים, צי מעגן זיי חתונה האָבן אַ צווייט מאָל. אָבער מיר דערוויסן זיך ביַי דער געלעגנהייט וועגן יִדיש־פּוילישע העלדן, אומגעקומענע אין שוץ פון לאַנד און פון זייערע אייגענע ברידער, די יִדן. פון פּוילישע קוועלן דערוויסן מיר זיך וועגן דעם אַז אין ליטווישן טייל פון דער דעמאָלטיקער פּוילישער מלוכה זענען געווען אַפילו גאַנצע יִדישע ריַיטער־אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין אַ ריי מלחמות. אין דער באַפריַיונגס־מלחמה קעגן דער שוועדישער אינוואַזיע אין יאָר 1655 האָבן אָנטייל גענומען אין דער פאַרטיידיקונג פון צווימיר (סאַנדאָמיערזש) עטלעכע הונדערט יִדן, וועלכע האָבן אין איינעם מיט די אָרטיקע פּוילישע פּאַטריאָטן העלדיש פאַרטיידיקט דעם דאָזיקן פראָנטאָפּשניט. אַ לאַטייניש געשריבענע כראָניק פון יענער ציַיט שטעלט פעסט אַז אויך אין דער פאַרטיידיקונג פון פּרעמיסלע (פּשעמישל) קעגן די שוועדן האָבן זיך באַטייליקט באַוואָפנטע יִדן. עס זאָל זיך אַפילו האָבן דאָרט אויסגעצייכנט אַ יִדישער מיליטער־פירער אין ראַנג פון אַ פּאָלקאָווניק — עס איז וועגן דעם פאַקט פאַראַן אַ קורצע ידיעה אין די יאָרביכער פון דער דאָזיקער שטאָט.

עס איז, פאַרשטייט זיך, אוממעגלעך אין אַ קורצן אַרטיקל אויסצושעפּן די טעמע פון יִדישן אָנטייל אין די גערעכטיקע לאַנד־פאַרטיידיקונג־מלחמות פון פּוילן ביזן אַרויסטריט פון טאַדעאוש קאָשציושקאָ. מיר זענען דאָ אויסן געווען בלויז צו געבן אַ קורצן שטריך פון דעם דאָזיקן וויכטיקן פּראָבלעם און אונטערצושטריַיכן די דורותדיקע טראַדיציע פון פריַיהייטקאַמפן ביַי די יִדן אין פּוילן.

יידן אין די אויפשטאַנדן פון 1794 און פון 19טן י״ה

זינט קאָשציושקאָס אויפשטאַנד אין יאָר 1794 און אין משך פון גאַנצן 19טן יאָרהונדערט ברייטערט זיך שטאַרק אויס דער אָנטייל פון די פּוילישע יִדן אין די קאַמפן פאַר פּוילנס פריַיהייט און פאַר דער אייגענער גליַיכבאַרעכטיקונג. דער געראַנגל פאַר דער בירגערלעכער עמאַנציפּאַציע פון די פּוילישע יִדן איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר דער באַפריַיונג פון פּוילן. אַזוי ווערט די זאַך אויפגעפאַסט סיַי דורך די פּראָגרעסיווע פּוילישע פריַיהייט־קעמפער, סיַי דורך די יִדישע מיטבאַטייליקטע אין די אויפשטאַנדן.

אין קאָשציושקאָס אויפשטאַנד האָט זיך, אויב עס גייט אין דער יִדישער באַפעלקערונג, באַטייליקט דער עיקר די אָרעמקייט. אין דעם באַרימטן אַפּריל־אויפשטאַנד אין וואַרשע האָבן זיך אויסגעצייכנט גאַנצע גרופּעס יִדישע פאָלקסמענטשן, וועלכע האָבן זיך מסירת־נפשדיק געוואָרפן אויף די האַרמאַטן און קאַוואַלעריע

פון די צארישע קאָזאקן און אויך אויף די היימישע פאררעטער. די ייִדן האָבן געקעמפט אויף די גאסן פון ווארשע אָרעם בײַ אָרעם מיט דער פּוילישער פּאטריאָטישער פּלעבעיִשער מאסע. די ייִדן האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף דער סענאטאָרסקע, לעשנע, שוויענטאָיערסקע, נאָוואָליפּיע, קראָקעווער פאָרשטאָט. די דאָקומענטן פון יענער צײַט רעכענען אויס די ייִדישע אויפשטענדלער: אברהם פישל, צאלקע אבראמאָוויטש, ד״ר יאן ראָזענפעלד א״אנד.

אין אָקטאָבער 1794 ווערט ארויסגעלאָזט אן אויפרוף צו דער ייִדישער באפעלקערונג, זי זאָל ארײַנטרעטן מאסנווײַז אינעם אויפשטאנד. דער אויפרוף איז אונטערגעשריבן דורך דעם פּאָלקאָווניק בערעק יאָסעלעוויטש, וועלכער האָט אין איינעם מיט א צווייטן פּאטריאָט, יאָסל אראָנאָוויטש, געשאפן, מיטן הסכם פון טאדעוש קאָשציושקאָ, א ייִדישן פּאָלק אין די ראמען פון דעם אויפשטענדלערישן מיליטער. אינעם אויפרוף ווערט צווישן אנדערס געשריבן אָט וואָס: „הערט קינדער פון ייִדישן שבט! ווער עס האָט גאָט אין הארצן און וויל העלפן דעם פּאָטערלאנד — און דאָס איז מחויב יעדער צו טאָן — דער האָט א געלעגנהייט דאָס צו טאָן. ווער עס וויל געווינען פרײַהייט, דער זאָל קעמפן פארן פּאָטערלאנד ביזן לעצטן טראָפּן בלוט!״ (איבערזעצט פון פּויליש — ב. מ.). און ווײַטער: „וועקט זיך אויף ווי די לייבן און לעמפּערטן! וועקט זיך אויף, העלפט אויסצוקעמפן פּוילן, וואָס איז ביז איצט געווען פארשקלאפּט!״

נאָך פריִער, אין סעפּטעמבער 1794, האָט א פּלאמיקן רוף צו די ייִדן ארויסגעלאָזט קאָשציושקאָ וועלכער פאררופט זיך אויף די העלדישע טראדיציעס פון ייִדישן פאָלק און טיילט מיט וועגן שאפן א ייִדישן פּאָלק.

דער פּאָלק האָט געהאט ייִדישע אָפיצירן, נאָמינירטע דורך קאָשציושקאָן. אחוץ דעם פּאָלק־קאָמאנדיר, בערעק יאָסעלעוויטש, זעען מיר דאָרטן די אָפיצירן: מרדכי יאקובאָוויטש, מאיר הערשקאָוויטש, חיים יודקעוויטש, מרדכי וואָלפאָוויטש, יאָסל אבראמאָוויטש א״אנד. בערעקן העלפט א פּוילישער אָפיציר, אנטאָני סקאָטניצקי, וועלכער האָט איבערגעלאָזט געוויסע זכרונות וועגן די רומפולע אויפטועז פון ייִדישן פּאָלק.

דער ייִדישער פּאָלק האָט העלדיש פארטיידיקט די פּאָרשטאָט פּראגע. כמעט אלע זענען געפאלן אויפן שלאכטפעלד.

איינער פון די היסטאָריקער פון דער דאָזיקער צײַט שטרייכט אונטער אז בעת דער פּוילישער מאגנאט ביסקופּ מאסאלסקי האָט פארראטן און איז צוגעשטאנען צו דער טארגאָוויצע, האָט זײַן משרת, דער ייִד בערעק יאָסעלעוויטש, געקעמפט פאר פּוילנס פרײַהייט אויף דער זײַט פון טאדעוש קאָשציושקאָ.

דער מאסן־אָנטייל פון ייִדן אין דעם אויפשטאנד סײַ אין ווארשע, סײַ אין אנדערע שטעט (לובלין, גראָדנע, ווילנע, מערב־גאליציע) קלערט זיך אויף מיט א ריי מאָמענטן: מיט דער צוגעבונדנקייט צום פּוילישן היימלאנד, מיט דער פּאָזיטיווער באציִונג פון די פּראָגרעסיווע פּוילישע עלעמענטן צו די באגרענעצטע אין זייער רעכט ייִדן, און מיט דעם ווילן פון דער ייִדישער פאָלקסמאסע אויסצוקעמפן פאר זיך מיט געווער אין האנט גלײַכע בירגערעכט און מעגלעכקייטן פון עקאָנאָמישער עקסיסטענץ.

די דאָזיקע דרײַ גרונטאימפּולסן שטויסן די ייִדישע פאָלקסמאסן און די אויפגעקלערטע ייִדישע עלעמענטן צו אברייטן און אקטיוון אָנטייל אין די פרײַהייטסקאמפן פון 1830, 1846 און 1863-1864.

ווען מיר באטראכטן די געשעענישן פון 1830, דעם פארלויף פון נאָוועמבער־אויפשטאנד, מוזן מיר נעמען אין אכט צוויי וויכטיקע מאָמענטן:

ראשית, איז דער אויפשטאנד־לאגער נישט געווען קיין איינהײַטלעכער. דער רעכטער, רעאקציאָנערער, גרויס־שלאכטישער פליגל מיט דעם גענעראל כלאָפּיצקי און אנדערע אין דער שפּיץ, האָט געהאט צו די ייִדן א נעגאטיווע באציִונג, נישט געוואָלט צולאָזן די ייִדן צום מיליטער, געשטעלט אזעלכע באדינגונגען, וואָס האָבן געטראָפן אין דער ווערדע פון ייִדישן מענטש, ווי למשל אָפּגאָלן די בערד. פון דער צווייטער זײַט איז ארויסגעטראָטן דער לינקער, רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראטישער פליגל, דער אמתער אויפשטאנד־לאגער מיט לעלעוועל, אָסטראָווסקי און אנד׳ בראש, פאר וועלכע די גלײַכבארעכטיקונג פון דער ייִדישער באפעלקערונג איז געווען אן אלף־בית פון זייער פּראָגראם.

צווייטנס, האָט זיך די סאָציאל־אידעיִשע דיפערענציאציע אין דער ייִדישער געזעלשאפט גופא פארשארפט אלץ מער. די באמיטלטע עלעמענטן און די חסידים האָבן פארנומען א נעגאטיווע שטעלונג צום אויפשטאנד. דערקעגן די ייִדישע אָרעמקייט און א גרויסער טייל פון די משכילים האָבן זיך מיט לײַב און לעבן ארײַנגעוואָרפן אין די אויפשטאנד־אקציעס. אין דער שפּיץ פון די פּאטריאָטישע משכילים האָבן זיך ארויסגערוקט: ברינער, ד״ר בערענשטיין, די ברידער גוטמאן, הערניש און אנד׳. בראש פון דער אָרעמקייט, וועלכע האָט זיך אָרגאניזירט אין אָפּטיילונגען פון דער נאציאָנאלער גווארדיע און פון דער זיכערקייט־וואך, געפינען זיך: משה פּאָזנער, משה אפּער, שאיע און אבא בענקעל, יצחק קאָן, פּתחיה גאָלדשטיין און אנד׳. א וויכטיקן אָנטייל נעמט בערעק יאָסעלעוויטשעס זון — יוסף בערקאָוויטש.

אין דעם נאָוועמבער־אויפשטאנד באטייליקן זיך נישט בלויז ייִדן פון ווארשע, נאָר אויך פון לובלין, קראָקע, קאליש, לוטאָמירסק און א ריי אנדערע שטעט.

א גרויסע צאָל ייִדן איז געפאלן אין שלאכט אונטער די פענער פונעם אויפשטאנד.

צווישן דער פּאָליטישער, פּאטריאָטישער עמיגראציע, וואָס איז אוועק נאָכן נאָוועמבער־אויפשטאנד קיין פראנקרײַך, האָבן זיך געפונען א סך פּוילישע ייִדן, וועלכע האָבן גענומען אין משך פון די יאָרן 1831—1848 א טעטיקן אָנטייל בײַם אָרגאניזירן די ווידערשטאנד־באוועגונג אין לאנד. די וויכטיקסטע פיגור פון די ייִדיש־פּוילישע עמיגראנטן, סײַ אין זין פון אקטיוויטעט, סײַ אין זין פון פּראָגרעסיווער אידעיִשקייט, איז געווען יהושע לובלינער, א נאָענטער מיטארבעטער פון יאָאכים לעלעוועל און פון וואָרצעל, און אן אומדערמידלעכער פרײַהייטס־קעמפער.

די געשעענישן פון די יאָרן 1846 און 1848 האָבן אויף די צעריסענע געביטן פון פארשקלאפּטן פּוילן ארײַנגעצויגן נײַע כוואליעס ייִדן אין דעם אלגעמיינעם רעוואָלוציאָנערן שטראָם. די טעטיקייט פון בעריש מייזעלס און פון די ייִדישע פאָלקסמאסן, בפרט אין קראָקע, איז דעם ייִדישן לייענער באקאנט און איז שוין באארבעט געוואָרן אין אונדזער נײַער היסטאָריאָגראפיע.

דעם העכסטן פונקט האָט דער קעמפערישער אָנטייל פון די פּוילישע ייִדן אין די אויפשטאנדן דערגרייכט אין 1863—1864. דער אָנטייל אין דעם יאנואר־אויפשטאנד איז ארײַן טיף אין דער ייִדיש־פּוילישער טראדיציע, אין פאָלקסלידער און פאָלקס־מעשיות, אין דער ייִדישער און פּוילישער ליטעראטור.

דער ייִדישער אָנטייל אין דעם יאנואר־אויפשטאנד האָט זיך אויסגעדריקט נישט בלויז אין דעם, וואָס ייִדן זענען געווען פארטראָטן אין דער נאציאָנאל־רעוואָלוציאָנערער רעגירונג (הענריק וואָהל) און אין דער אונטערערדישער פּרעסע (הענריק מערצבאך, יצחק גאָלדמאן, אדאָלף ראָזמאניט), נאָר קודם־כל אין דער גאָר גרויסער צאָל פּשוטע ייִדישע שלאכטמענער און קאָמאנדירן פון פּארטיזאנישע אָפּטיילן. איינער פון די דעמאָלטיקע אויפשטאנד־כראָניקער, דער פּאָליאק זאניעווסקי, שרײַבט: „אין דער פּראָווינץ פּאָדלאשע איז פאראן לעבן יעדן אויפשטאנד־קאָמאנדיר פון שטעטל, וועלכער איז א פּאָליאק, אויך א געהילפס־קאָמאנדיר — א ייִד״. מיט אנדערע ווערטער: אין א ריי פּארטיזאנישע אָפּטיילונגען איז לעבן יעדן פּוילישן קאָמאנדיר געווען א ייִד א געהילפס־קאָמאנדיר. דאָס האָט זיך, ווײַזט אויס, גענומען פון דעם מאסנהאפטיקן אָנטייל פון די שטעטלשע ייִדן אין דער פּארטיזאנישער באוועגונג. כדי אונטערצושטרײַכן די גלײַכבארעכטיקונג פון די ייִדן, האָט מען באשטימט ייִדישע געהילפס־קאָמאנדירן. וועגן איינעם אזא ייִדישן פּארטיזאנישן געהילפס־קאָמאנדיר, משה ברוך פון פּארטשעוו, זענען אפילו פאראן ברייטערע ידיעות. ייִדישע פּארטיזאנער באגעגענען מיר אין זייער א גרויסן טייל פון די אויפשטאנד־אָפּטיילונגען: אין די אָפּטיילונגען פון די בארימטע רעוואָלוציאָנער־דעמאָקראטישע פירער פּאָדלעווסקי און שראָקאָווסקי,

ד"ה אין די אָפּטיילונגען פון די רויטע, אין דער באַוווּסטער אָפּטיילונג פון דעם שפּעטערדיקן הויפּטפירער פונעם אויפשטאַנד טראַוגוט, אין די אָפּטיילונגען פון לאַנגעוויטש, פראַנקאָווסקי, באָסאַק, יעזשאָבראַנסקי, כמיעלענסקי, מיעראָסלאַווסקי, וויעזשביצקי און אַנדערע.

פון וועלכע סאָציאַלע שיכטן האָבן דער עיקר געשטאַמט די ייִדישע אָנטייל־נעמער פון דעם יאַנואַר־אויפשטאַנד? עס איז שווער צו געבן אַן אַלזײַטיקן ענטפער, אָבער עטלעכע בײַשפּילן קאָנען אילוסטרירן דעם דאָזיקן ענין.

דער מיטגליד פון דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער אויפשטאַנד־רעגירונג, העגריק וואָהל (זײַן קבר געפינט זיך אויפן געגנשער בית־עולם אין וואַרשע), איז געווען אַ באַנק־אָנגעשטעלטער. ווען מען האָט וואָהלן געכאַפּט און פאַרשיקט אויף סיביר, האָט זײַן אָרט אין דער רעגירונג פאַרנומען אַרטור גאָלדמאַן, אַ סטודענט. העגריק מערצבאַך איז געווען אַ זון פון אַ בוכהענדלער. דער באַקאַנטער פּאַרטיזאַן כאָנע אַלדעם איז געווען אַ קעלנער. דער ייִדישער קעמפער באַלסאַם, וואָס איז געפאַלן אין שלאַכט הינטער יאַנאָוו, איז געווען אַ שנײַדער, בעת דער ייִדישער אויפשטענדלער צינגער, וואָס איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אין פּרוזשענע, איז געווען אַ דאָקטאָר, געשטאַמט פון סוויסלאָטש. דער אויפשטאַנדלער שלמה פרידמאַן פון קראָקע איז געווען אַ בעל־עגלה, בעת דער פּאַרטיזאַנער מיכאל פראַנקפורטער איז געווען אַן אַפּטייק־אָנגעשטעלטער. לעאָן הויפּטפלייש פון טאַרנע איז געווען אַ ראַזירער, איזידאָר האַלפּערן — אַ שילער פון דער ראַבינער־שול, און אַברהם און יאַנקל יונגער, אָדער יאָסל אַברהם, זענען געווען שנײַדער. אַזוי אַרום זעען מיר אַז די ייִדישע קעמפער פון יאַנואַר־אויפשטאַנד זענען דאָס רוב באַשטאַנען פון פאָלקסמענטשן, בעל־מלאכות און אויך פון אינטעליגענץ. פון צווישן די אַקטיווסטע פּאַרטיזאַנער איז כדי אויסצורעכענען דעם ייִדישן מיטגליד פון די רויטע העגריק אײַכמאַן, אַ מיטקעמפער פון פּאַדלעווסקין. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער שלאַכט הינטער טשיזשעוו און איז געפאַלן בײַ שטשעקאָטשין. מען דאַרף אונטערשטרײַכן אויך דעם אָנטייל פון ייִדישע פאָלקספרויען אין די אויפשטאַנד־אַקציעס.

וועגן דעם פאַרנעם פון דעם ייִדישן אָנטייל אין דעם אויפשטאַנד קאָן עדות זאָגן דער פאַקט וואָס בלויז איין מחבר רעכנט אויס 174 ייִדישע געפאַלענע אָדער פאַרוווּנדעטע קעמפער פון בלויז עטלעכע אָפּטיילונגען.

דאָס פּרעכטיקע קאַפּיטל פון ייִדישן אָנטייל אינעם יאַנואַר־אויפשטאַנד וואַרט נאָך אויף זײַן היסטאָריקער און באַשרײַבער. מיטן פאַל פונעם אויפשטאַנד האָט זיך די גאָלדענע קייט פון פּוילישע ייִדן פרײַהייטס־קעמפער נישט איבערגעריסן. אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט קומט אויף די נײַע גרויסע קאַמפּס־באַוועגונג — די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אַ פּרעכטיקע פּלעיאַדע קעמפער, בתוכם אַ גרויסע צאָל ייִדן.

3.

אין די רייען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג

די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע, מאַרקסיסטישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט אַנטפּלעקט, אויפגעבונדן, אָרגאַניזירט און געוויזן אַ ריכטונג דער ריזיקער קאַמפּס־ענערגיע וואָס האָט געשטעקט בײַ די ברייטסטע שיכטן פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. אויך די ייִדישע פאָלקסמאַסן האָבן דערזען פאַר זיך דעם וועג פון זייער געראַנגל. שוין אין די רייען פון „ערשטן פּראָלעטאַריאַט" געפינען זיך אָנגעזעענע גרופּעס ייִדן פון צווישן דער אַרבעטערשאַפט און אינטעליגענץ. אין וואַרשע, ביאַליסטאָק, לאָדזש, זגערזש און אַנדערע שטעט און שטעטלעך באַגעגנט מען ייִדישע קרײַזן פון „פּראָלעטאַריאַט". אין וואַרשע, למשל, צייכנט זיך אויס דער ליבין־קרײַז, וועלכער נעמט אַ טעטיקן אָנטייל אין דער פּיאָנערישער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט פון „ערשטן פּראָלעטאַריאַט".

דער דאָזיקער קרײַז האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע העלדישע געשטאַלטן, ווי ווײַנבערגער („רודי"), וועלכער איז אומגעקומען אין דער פּעטראָפּאַוולאָווסקער תפיסה, ווי קאַסיוש און שמואל ראַבינאָוויטש, ווי יוליאַ מאָווּשאָוויטש. צווישן די אַקטיווסטע טוער פון „פּראָלעטאַריאַט" באַגעגענען מיר אַזעלכע ווי ראָזאַליאַ פעלזנהאַרט, ברעסלער, ווינאַווער, פּלאָוויק, אָסיפּ ראַזימייטשיק, שטיינבערג, לאַנדע, ווי לודוויק וואַרינסקיס פאַרבינדלערין פייגע ראָזענמאַן. די רעוואָלוציאָנערע ביאָגראַפיעס פון די דאָזיקע געשטאַלטן קענען דינען ווי אַ באַגייסטערנדיקער דערציִונגס־מוסטער פאַרן פאָלק. די פּרעסע פון „ערשטן פּראָלעטאַריאַט" האָט פאַרשטאַנען די דערציִערישע באַדײַטונג פון דער פּאָפּולאַריזירונג פון די ייִדישע רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן און דעריבער, למשל, געבראַכט אַן אויספירלעכע שילדערונג פון די קאַמפּסאויפטוען פון דעם ייִדישן רעוואָלוציאָנער שאול ליסיאַנסקי, וועלכער האָט זיך אַקעגנגעשטעלט מיט געווער אין האַנט דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע.

אין די רייען פון סדקפּ"ל (סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון פּוילן און ליטע) האָט זיך דערצויגן אַ געזונטער, קלאַסן־באַוווּסטזיניקער און קעמפערישער טיפּ פון ייִדישן אַרבעטער. מיט אָרגאַניזירן און דערציִען ייִדישע אַרבעטער האָט זיך אין יענעם פּעריאָד פאַרנומען אַזאַ גרויסער און אומדערשראָקענער רעוואָלוציאָנערער פירער ווי פעליקס דזשערזשינסקי. אין דער סדקפּ"ל־שול האָבן זיך דערצויגן ייִדישע אַרבעטער פון באַלוט, סמאָטשע און טשענסטאָכאָווער אָרעמע געסלעך. די צײַטונגען און געהיימע פּאָליצייִשע אַרכיוון פון ערשטן יאָרצענדליק פון הײַנטיקן יאָרהונדערט ברענגען — אין די באַריכטן וועגן די קאַמפּס־דעמאָנסטראַציעס פון סדקפּ"ל — גרויסע צאָלן נעמען פון ייִדישע אַרבעטער און אינטעליגענץ, וועלכע זענען געגאַנגען אין די פאָדערשטע רייען קעגן די צאַרישע סאַטראַפּן און אָן מורא געקעמפט, באַשפּריצנדיק אָפט מיט זייער בלוט דעם וואַרשעווער און לאָדזשער ברוק. אויפן רוף פון סדקפּ"ל און פון דער רוסישער מיליטערישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען טעטיק אין קאָנגרעס־פּוילן, האָבן פּוילישע אַרבעטער, באַוווּסטזיניקע רוסישע זעלנער און ייִדישע פאָלקסמענטשן געשאַפן בשותפות זעלבשוצן קעגן די פּאָגראָמען, וואָס זענען אינספּירירט און אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דעם צאַרישן רעזשים. גרויס העלדישקייט האָבן אַרויסגעוויזן די ייִדישע אַרבעטער־זעלבשוצן אין וואַרשע. אַ דאַנק זייער מוטיקער שטעלונג און דער הילף מצד די רעוואָלוציאָנערע פּוילישע אַרבעטער און דער רוסישער מיליטערישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע זענען אויסגעמיטן געוואָרן גרעסערע אַנטי־ייִדישע עקסצעסן אין וואַרשע.

די ייִדישע אַרבעטער־מאַסע, וועלכע איז באַווירקט געוואָרן דורך דער אַלגעמיינער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין לאַנד, האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי שיינע קעמפערישע געשטאַלטן. פון די טיפענישן פון דער פאָלקס־מאַסע איז אַרויס ברוך שולמאַן, וועלכער ווערט באַזונגען אין פאָלקסלידער, אָדער הירש לעקערט, וועלכער איז געקומען פון דעם לינקן שטראָם אין דער בונדישער מאַסע.

אַט אַזוי האָט זיך געצויגן די גאָלדענע קייט פון דער קאַמפּס־טראַדיציע פון די ייִדישע מאַסן אין פּוילן — די דאָזיקע טראַדיציע האָט איר שענסטן אויסדרוק באַקומען אין דער קפּ"פּ, אין דער באָטווין־קאָמפּאַניע און אין דעם ייִדישן אָנטייל אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון אָקופּירטן פּוילן, וואָס אויפן ייִדישן אָפּשניט איז זי געקרוינט געוואָרן מיטן העראָאישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

די ייִדישע רעוואָלוציאָנערן האָבן אין איינעם מיט זייערע פּוילישע חברים אונטער די פענער פון זייער פּאַרטיי געקעמפט מסירת־נפשדיק און העלדיש פאַר אַ פרײַ פּוילן, פאַר אַ סאָציאַליסטיש פּוילן, פאַר דער גלײַכבאַרעכטיקונג און קולטור־אַנטוויקלונג פון די ייִדישע מאַסן אין אַ באמת באַפרײַט פּוילן. אין גאַסן־דעמאָנסטראַציעס און אויף באַריקאַדן, אין שטרײַקן און הונגערמאַרשן, אין דאָרפישע אויפשטאַנדן און בײַ פּאַרטיידיקן קעגן עקסמיסיעס, אין קאַמפן קעגן דיווערסיע און פּראָוואָקאַציע, אין תפיסות און אין קאַרטוז־בערעזע — אויף אַלע אָפּשניטן פון גרויסן פראָנט האָבן ווי זעלנער פון דער רעוואָלוציע געקעמפט די

באַטווינס און ענגעלס, די קאַשעוווסקים און לאַנדוים, די גערמאַניסקים און נעמי דובינסקאַס. מיר האָבן דאָ צו טאָן נישט סתם מיט העלדישע אַקטן פון יחידים, נאָר מיט אַ דערשײַנונג ווען אַ ריזיקער מענטשן־קאָלעקטיוו, אַ קלאַס, דאָס אַרבעטנדיקע פּאָלק, אַנטפּלעקט זיך אין דער פולער מאָס ווי אַ העלד, אַ קעמפער פאַר פרײַהייט. באַווירקט דורך אָט דער דערשײַנונג האָבן זיך אָנגעגורט מיט אומדערשראָקנקייט און קעמפערישקייט די ברייטסטע שיכטן פון פּאָלק. ווי דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די ריזיקע אַלגעמיינע שטרײַקן קעגן דעם אַנטיסעמיטישן אָנגריף פון דער פּאַשיסטישער סאַנאַציע־קליקע, אָדער אין פּשיטיק, ווו פּשוטע פּאָלקסמענטשן, אַזעלכע ווי דער אומפּאַרטייִשער יוגנטלעכער שלום לעסקאַ, האָבן זיך אַקטיוו אַקעגנגעשטעלט דער צעווילדעוועטער פּאָגראָם־באַנדע פון די „אָנ"ר.

און ווען עס זענען אויסגעבראָכן די קאַמפן אין דער שפּאַנישער רעפּובליק זענען מאַסן ייִדישע יוגנטלעכע פון פּוילן, מאַסן אַנטיפּאַשיסטן אַוועק אויף די שפּאַנישע שלאַכטפעלדער צו קעמפן פאַר „אײַער און אונדזער פרײַהייט". צו די שענסטע קאַפּיטלעך פון דער געשיכטע פון די פּוילישע ייִדן געהערט די באָטווין־קאָמפּאַניע, וואָס מיט איר זענען פאַרבונדן די נעמען פון הונדערטער ייִדיש־פּוילישע העלדן, בתוכם דער נאָמען פון דעם קאָמ'־טוער ח' גרשון דואַ־באָגען. פאַר דער פרײַהייט פון דער שפּאַנישער רעפּובליק, וועלכע זיי האָבן מיט רעכט באַטראַכט ווי אַ פּאָזיציע פון קאַמף קעגן פּאַשיזם און אַגרעסיע בכלל און פאַר אַ פרײַ פּוילן, האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן די ייִדישע דאָמבראָוושטשאַקעס — דער אַרבעטער פון ביאַליסטאָק און וואַרשע פריידקעס, דער אַרבעטער פון לאָדזש אייזען, דער אינזשיניער משה שאַפּראָן, דער קאָמיוגיסט שטאַמלער און הונדערטער אַנדערע פרײַוויליקע קעמפער.

ווען די היטלעריסטישע אַגרעסיע, אונטערגעוואָרעמט דורך די דאָלאַרן און פונטן פון די אַמעריקאַניש־בריטישע מאָנאָפּאָליסטן, האָט דערגרייכט פּוילן, האָבן די פּוילישע ייִדן טרײַ קאָנטינויִרט זייערע פּראָגרעסיווע, פּאַטריאָטישע טראַדיציעס. נישט געקוקט אויף די דיסקרימינאַציעס מצד די פּאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע אַרמיישטאַבן, וועלכע האָבן פאַרראַטן און זענען אַנטלאָפן פון שלאַכטפעלד, האָבן ייִדישע זעלנער צוזאַמען מיט זייערע פּוילישע חברים געקעמפט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט כמעט אויף אַלע אָפּשניטן פון פראָנט — בײַ קוטנע און קראָקע, בײַ מאָדלין און אויף די פאָרפעלדער פון וואַרשע, בײַ דער העלדישער פאַרטיידיקונג פון דער באַלאַגערטער הויפּטשטאָט. העכער 36 טויזנט ייִדן, זעלנער און אונטעראָפיצירן פון דער פּוילישער אַרמיי, זענען אין די טראַגישע טעג פון סעפּטעמבער 1939 געפאַלן אויף די פאַרשיידענע שלאַכטפעלדער. אַרום 61 טויזנט ייִדן, זעלנער, אונטעראָפיצירן, דאָקטוירים פון דער פּוילישער אַרמיי זענען אַרײַנגעפאַלן אין דער היטלעריסטישער געפאַנגענשאַפט.

אַ סך פון די וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דעם שונאס אַרומרינגלונג האָבן נאָכגעטאָן דעם בײַשפּיל פון דעם קאַפּראַל מרדכי אײַזענבערג, אַ פרײַוויליקער פון ערשטן באַטאַליאָן צו פאַרטיידיקן וואַרשע. ער האָט, נעמלעך, — זעענדיק אַז די שלאַכט איז פאַרשפּילט, — באַגראָבן אונטער דער ערד אַ גרויסע צאָל געווער און אַמוניציע און אַזוי אַרום געהאָלפן פאַרלייגן איינעם פון די ערשטע אונטערערדישע אַרסענאַלן פאַר די שפּעטערדיקע קעמפער פון דער אָקופּאַציע־צײַט.

אויפן מוסטער פון מאַריאַן בוטשעק האָבן טויזנטער ייִדישע אַרבעטער פאַרטיידיקט וואַרשע, זייער בלוט האָט זיך צונויפגעמישט מיטן בלוט פון זייערע פּוילישע קאַמפסברידער.

די שלאַכט פאַר פּוילן איז דעמאָלט געוואָרן פאַרשפּילט. די סיבות זענען גוט באַקאַנט: די גאַנצע פּאָלקס־פײַנטלעכע און נאַציאָנאַל־פאַררעטערישע פּאָליטיק פון דעם סאַנאַציע־רעזשים מיט איר קאַפּיטולאַציע אין דער אויסערן־ און אינערן־פּאָליטיק פאַרן „דריטן רײַך". אַפילו אין לעצטן גסיסה־מאָמענט האָבן די דאָזיקע קרײַזן געפּראָוועט אין באַלאַגערטן וואַרשע העצעס קעגן ייִדן.

בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, אין דער אונטערערד, זענען צוריק געקומען צו זיך נאָך דער גרויסער שרעקלעכער מפּלה די כוחות וואָס האָבן אָרגאַניזירט אַ קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן דעם אָקופּאַנט און זײַנע יוצר־משרתים.

די פּפּ"ר (פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי) האָט אָנגעבונדן איר טעטיקייט צו די שענסטע קאַמפּס־טראַדיציעס פון פּוילישן פּאָלק — צו קאָשציושקאָ און דאָמבראָווסקי, צו די נאַציאָנאַלע אויפשטאַנדן און צו די רומפולע קאַמפן פון די אַרבעטער־פּאַרטייען: „פּראָלעטאַריאַט", סדקפּ"ל, און קפּ"פּ.

די דאָזיקע טראַדיציעס, אין איינעם מיטן געדעכעניש פון בערעק יאָסעלעוויטש, פון שולמאַן, לעקערט און באָטווין, פון די אינטערנאַציאָנאַליסטישע זעלבשוצן קעגן פּאָגראָמען, האָבן באַלויכטן דעם וועג פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ, וואָס איר שטאַרקסטער און העכסטער אויסדרוק איז געווען דער אויפשטאַנד פון אַפּריל—מײַ 1943.

טויזנטער זענען זיי געווען, די קעמפער פון וואַרשעווער, ביאַליסטאָקער, קראָקעווער געטאָס, פון די טויטלאַגערן, און אַ ריזיקע מחנה פון פּאַרטיזאַנער אין די רייען פון דער פּאָלקסגוואַרדיע און פון די סאָוועטישע אָטריאַדן. עס האָט זיך אין זיי פאַרקערפּערט די גאַנצע קאַמפּס־טראַדיציע און שלאַכט־דערפאַרונג פון דורות פּוילישע ייִדן און פון דער רעוואָלוציאָנערער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג. אַ סך פון זייערע נעמען זענען באַקאַנט, נאָך מער זענען געבליבן אומבאַוווּסט — אַ ריזיקער לעגיאָן פון קעמפער פאַר פרײַהייט און מענטשלעכער ווערדע. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש וואָס אַ סך נעמען חזרן זיך איבער סײַ פריִער, בעת די קאַמפן פאַר דער מלחמה, סײַ שפּעטער, אונטער דער אָקופּאַציע. דאָס דערווײַזט אויף דער גראָדער אידעיִשער ליניע וואָס פאַרבינדט די צײַטמעסיק־פאַרשידענע עטאַפּן פון געראַנגל. יוסף לעוואַרטאָווסקי, דער טוער פון קפּ"פּ, געהערט צו די הויפּטגעשטאַלטן פון דער ווידרעשטאַנד־ און קאַמפּס־שטריך האָט זיך אין די טיפּענישן שמידטס וועג פּירט פון קפּ"פּ קיין שפּאַניע און דערנאָך אין דעם קאַמפּסשטאַב אין געטאָ. דניאל מאָשקאָוויטש, דער מוטיקער טוער אויפן מיליטערישן געביט אין וואַרשע, אַנטפּלעקט זיך ווי דער קאָמאַנדיר פונעם אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָק. און אַזוי אויך גאָליע מירע אין קראָקע, און אפרים פּאָנדאַמינסקי אין וואַרשע. מרדכי אַנילעוויטש באַגעגענען מיר פאַר דער מלחמה אין אַן ענגן בונד מיטן וואַרשעווער קאָמיוג אין געמיינזאַמען קאַמף קעגן די פּאָגראָם־אָנגריפן פון פּוילישן פּאַשיזם און אויך קעגן דעם ייִדישן פּאַשיזם, דעם רעוויזיאָניזם. אין אַפּריל 1943 טרעפן מיר אים אויפן קאָמאַנדיר־פּאָסטן פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. שלום לעסקאַ פונעם פּשיטיקער זעלבשוץ פאַרענדיקט זײַן לעבן רומפול אין די פּאַרטיזאַנישע רייען. נאַטירלעך, איז אין די געטאָס, לאַגערן און וועלדער אויפגעקומען אַ גרויסע צאָל נײַע קעמפער. דער ווידערשטאַנד־ און קאַמף־שטריך האָט זיך אין די טיפּענישן פון פּאָלק אַנטפּלעקט און איז אויפגעטראָטן מיט אַ מעכטיקער קראַפט. דאָס איז געווען אַ גרויסער היסטאָרישער צושטײַער צום געראַנגל פאַר אַ סאָציאַל און נאַציאָנאַל פרײַ פּוילן און פאַרן ווידערגעבורט פון די ייִדישע מאַסן.

די פּירער פון הײַנטיקן פּאָלקס־פּוילן האָבן טאַקע אַזוי אָפּגעשאַצט די ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון די געטאָס און לאַגערן און אַרײַנגענומען דעם דאָזיקן צושטײַער פון די ייִדן אין די טראַדיציעס פון באַנײַטן פּוילישן פּאָלקס־מיליטער.

אין דער זעלביקער צײַט איז דער דאָזיקער ייִדישער צושטײַער געקומען צום אויסדרוק אין די רייען פון די פּויליש־דעמאָקראַטישע מיליטער־פּאָרמאַציעס וועלכע זענען אַנטשטאַנען אין ראַטנפאַרבאַנד.

פון לענינאָ ביז בערלין

לענינאָ איז אַ דאָרף אין סמאָלענסקער געגנט. הינטער לענינאָ אויף מזרח צו ציט זיך אַ ריזיק פלאַכלאַנד. און פאָרויס, אויף מערב, ליגט די ווײַסרוסישע ערד, און ווײַטער, נאָך ווײַסרוסלאַנד — פּוילן.

דאָ האָט זיך אין אָקטאָבער 1943 פאַרבונדן אַ ביטערע שלאַכט. פאַר די טיילן פון דער סאָוועטישער אַרמיי איז דאָס געווען נאָך איין קאַמפּס־אָנשטרענגונג צווישן די טויזנטער שלאַכטן. פאַר דער יונגער אָקערשט געשאַפענער קאָשציושקאָ־דיוויזיע איז דאָס געווען דער ערשטער פײַערפּרוּוו, דער ערשטער פראָנט־עקזאַמען.

צוזאַמען מיט די פּוילישע קאַמפּס־חברים האָבן זיך געריסן פאָרויס, צו די פּאָזיציעס פונעם שונא, אויך פּוילישע ייִדן — זעלנער און אָפיצירן פון דער ערשטער דיוויזיע.

ביַי לענינאָ איז מקוים געוואָרן דער חלום פון זייער אַ סך פּוילישע ייִדן, וועלכע האָבן געטרוימט וועגן אָנטייל נעמען מיט געווער אין האַנט אינעם קאַמף קעגן די היטלעריסטישע האָרדעס.

אַ סך פון זיי זענען געפאַלן אין קאַמף בעתן שטורעמען דעם שונאס פּאָזיציעס, ביַים פאַרנעמען די דיַיטש־פאַשיסטישע אָקאָפּעס.

אָט איז אַ רשימה פון די געפאַלענע ייִדן, זעלנער און אָפיצירן פון דער ערשטער דיוויזיע ביי לענינאָ:

איַיזען לייב, אַ זעלנער; אָזשעך יוסף, אַן עלטערער זעלנער; אַלוויים יעקב, אַ פּאָרוטשניק; ברוין יצחק, אַ כאָראָנזשע, בערקאָוויטש זביגניעוו, אַ זעלנער; גרינגלאַס עקיע, אַ קאַנאָנירער; געבוקשפּאַן משה, אַ קאַפּראַל; גאָלדרינג אנשל, אַ זעלנער; גאָטליב אַלעקסאַנדער, אַ זעלנער; די ברידער האַלפּערן משה און לעאָן, זעלנער; האָפּער אַלעקסאַנדער, אַ סערזשאַנט; וואָרצל שאַיע, אַ כאָראָנזשע, זאַבלודאָווסקי אהרן, אַ כאָראָנזשע, זאַגאַלניק מיכאַל, אַ זעלנער; זיסמאַן לעניעק, אַ זעלנער; זאַוואַדאַ הערש, אַ פּלוטאָנאָווע, אַ מיליטערישער ראַבינער; יאַקובאָוויטש מאָטל, אַ קאַפּראַל; יאַבלקאַ פּיניע, אַ זעלנער; לעדערמאַן יוסף, אַ זעלנער; לופּטגלאַס הערש, אַ קאַפּראַל; ליסט חיים, אַ זעלנער; ליפּשיץ יצחק, אַ פּלוטאָנאָווע; ליכטענבוים שאַיע, אַ זעלנער, פעלדמאַן הענריק, אַ קאַפּראַל; ציטערשפּילער וואָלף, אַ פּלוטאָנאָווע; צווייגענבאַק חיים, אַ זעלנער; קלינגער מיכאַל, אַ זעלנער; קאָרן לעאָן, אַ זעלנער; קירשנבוים העניעק, אַ זעלנער; קיקין מאיר אַ פּלוטאָנאָווע; קאַהאַן לייב, אַ זעלנער; קאַץ הערמאַן, אַ זעלנער; קאַשינסקי יאַנקל, אַ זעלנער; רייטער אַדאַם, אַ זעלנער; ראַפּאָפּאָרט הערש, אַ זעלנער; שמואל בנימין, אַ זעלנער; שאָפּ שמואל אַ פּלוטאָנאָווע, שטערן דניאל אַ קאַפּראַל; שאַלפּ בן־ציון אַ קאַפּראַל; שיקמאַן מרדכי, אַ קאַפּראַל; שטרויוויַיס סטאַניסלאַוו, אַ זעלנער; שאַצקעס הערבערט, אַ זעלנער; שאַצקי פּריץ, אַ זעלנער; שעלוואַך יעקב, אַ זעלנער, שטיין אַדאָלף, אַ זעלנער; שמולעוויטש אברהם, אַ כאָראָנזשע.

דאָס זענען געווען ייִדן פון וואַרשע און פּולטוסק, פון לאָדזש און ביאַליסטאָק, פון וולאָצלאַוועק און נאָווי־דוואָר און פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, וועלכע האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אין טיפן סאָוועטישן לאַנד, דאָ געאַרבעט אין מיטל־אַזיע און אוראַל, אין דער לאַנדווירטשאַפט און אין דער אינדוסטריע, אין לאַבאָראַטאָריעס און ביוראָען. אויפן רוף פונעם פאַרבאַנד פון די פּוילישע פּאַטריאָטן האָבן זיי זיך געשטעלט אין די מיליטערישע לאַגערן מיטן פולן באַוווּסטזיַין אַז זיי גייען קעמפן פאַר אַ יושרדיקער זאַך. זיי זענען געפאַלן אין קאַמף, אָבער טויזנטער לעבן געבליבענע האָבן קאָנטינויִרט דעם געראַנגל. פאַר זייער געדאַנקען־גאַנג זענען כאַראַקטעריסטיש די בריוו וואָס זיי האָבן געשריבן פון פראָנט צום אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון די פּוילישע ייִדן ביַים פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן. אָט איז איינער פון די הונדערטער בריוו: „דאָס אומשולדיק פאַרגאָסענע בלוט פון מיליאָנען אונדזערע ברידער רופט צום קאַמף און פאָדערט אונדז אויף, מיר זאָלן גיין אין קאַמף, סיַי ווי בירגער און זעלנער פון פּוילישן מיליטער, סיַי ווי פּוילישע ייִדן. מיר זענען גרייט אָפּצוגעבן אונדזער לעבן פאַר דער זאַך פון פאַרניכטן דעם היטלעריזם, פאַר דער באַפריַיונג פון פּוילן און פאַרן הייליקן אָנדענק פון די הונדערטער טויזנטער ייִדן וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן".

די ייִדיש־פּוילישע זעלנער זענען געווען פאַרטרעטן אין אַלע פאָרמאַציעס פונעם יונגן פּוילישן פאָלקס־מיליטער: מיר באַגעגענען זיי אין דער ערשטער אַרמיי, אין דער צווייטער אַרמיי, אין דער פאָרמאַציע אויפן נאָמען פון טראַוגוט, אין אינפאַנטעריע, אַרטילעריע, ביַי טאַנקען און אַוויאַציע. מיר זעען זיי כמעט אין אַלע שלאַכטן, ביַים פאָרסירן דעם בוג, ביַים באַפריַיען לובלין און וואַרשע. טאַקע דאָ, בעת די קאַמפן פאַר דער וויַיסל, צייכענען זיך אויס מיט אַן אויסערגעוויינלעכער גבורה עטלעכע פּוילישע ייִדן. ביַי רעמבערטאָוו פאַלט מיט אַ העלדנטויט דער כאָראָנזשע מיכאַל

מילער. הינטער וואָלאָמין קומט אום ביַי נישט ווייניקער העלדישע אומשטענדן דער פּאָדפּאָרוטשניק יצחק לופּטגלאַס — עס קאָן זיַין אַז דאָס איז אַ ברודער פון קאַפּראַל הערש לופּטגלאַס, וואָס איז געפאַלן ביַי לענינאָ. ביַי זשעלאַנקאַ, שוין נאָענט צו וואַרשע, קעמפט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט דער כאָראָנזשע י. דאַווידאָוויטש. הינטער פּראַגע פאַלט אין קאַמף דער זעלנער כאַצקל קאַץ. ביַי אָלשינקע־גראַבאָווסקי קומט אום, קעמפנדיק ביזן סוף, דער כאָראָנזשע יאַנקל ווייכמאַן.

די פראָנטציַיטונגען פון פּוילישן מיליטער גיבן איבער וויכטיקע פּרטים וועגן דעם העלדישן טויט פון דעם אַרטילעריסט קאַפּראַל פּישמאַן. ער האָט באַקומען אַ זייער פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע, וואָס האָט געפאָדערט אויסערגעוויינלעכן מוט: זיך אַריבערבאַקומען אויף דער צווייטער זיַיט וויַיסל, פאַרקאָנספּירירן זיך, אָבסערווירן פון דער נאָענט די פּאָזיציעס און באַוועגונגען פונעם שונא און קאָריגירן דורך אַ ראַדיאָוועג דאָס פיַיער פון דער אייגענער באַטעריע. אין משך פון אַ לענגערער ציַיט האָט ער די שווערע אויפגאַבע אויסגעפירט בשלמות, ביז דער שונא האָט אים דערשנאַפּט. פון אַלע זיַיטן שיט זיך אויף פּישמאַנען אַ האָגל פון שראַפּנעלן און קוילן. די דיַיטשן רינגלען אים אַרום און דערנענטערן זיך אַלץ מער. פּישמאַן זעט אַז עס קומט דער סוף. ער באַשליסט נישט לאָזן זיך כאַפּן לעבעדיקערהייט. ער פאַרטיידיקט זיך לאַנג, ביז עס גייט אים אויס די אַמוניציע. עס גייען אויס די כוחות. אין לעצטן מאָמענט שליַידערט ער דעם לעצטן גראַנאַט אינעם אייגענעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט. ער קומט אום. קיין לעבעדיקן האָט דער שונא פּישמאַנען נישט גענומען.

אויף אַן ענלעכן אופן קעמפט און קומט אום ביַים וואַרשעווער פראָנט דער אויספירער ראָזענבערג — צוזאַמען מיט אַ גרופּע פּוילישע שלאַכט־חברים.

דער סאַניטאַר ראָזענשטיין טראָגט אַרויס פאַרוווּנדעטע פון דער פיַיער־ליניע. ווען די לאַגע ווערט זייער ערנסט, שטעלט ער זיך אין דער פאָדערשטער שורה, מיט אַ גראַנאַט וואַרפט ער זיך אויפן אַטאַקירנדיקן שונא. ער רופט אויס: „נאַט אייך, באַנדיטן, פאַרן טאַטן, פאַר דער מאַמען, פאַר די ברידער!" ער פאַלט אין אומגליַיכן קאַמף.

מיט אַ העלדנטויט קומען אום ביַים וואַרשעווער פראָנט די טאַנקיסטן ווייסענבוים און הענעכאָוויטש, דער אַרטילעריסט שאַפּירא, דער געוועזענער אַרעסטירטער פון קאַרטוז־בערעזע יאַלעס און צענדליקער אַנדערע ייִדן פון די פּויליש־דעמאָקראַטישע מיליטערישע איינהייטן, וועלכע האָבן געקעמפט ביַי וואַרשע.

חוץ די אָקערשט דערמאָנטע זענען בשעת די קאַמפן פאַר באַפריַיען וואַרשע געפאַלן די פאָלגנדיקע ייִדישע זעלנער און אָפיצירן פון פּוילישן פאָלקס־מיליטער:

אַלענדער יוסף, אַ פּאָדפּאָרוטשניק; אַזבורך זיסקינד, אַ זעלנער; אויסטריל משה, אַ שיסער; אַבעלעוויטש איזידאָר, אַ שיסער; באַנקער שלמה, אַ קאַנאָנירער; בערמאַן מיכאַל, אַ זעלנער; בערגער קאַזשימיעזש, אַ קאַנאָנירער; באָבער רישאַרד, אַ קאַנאָנירער, גליקסמאַן העניעק, אַ זעלנער; נעמינסקי יצחק, אַ קאַפּראַל; גרין אַדאַם, אַ זעלנער; גוטמאַן קאַראָל, אַ זעלנער; האָראָוויטש משה, אַ זעלנער; וואָלקמאַן עמיל, אַ זעלנער; ווינאָגראָדזקי אפרים, אַ זעלנער; ווייספעלד יעקב, אַ כאָראָנזשע; ווייס ישראל, אַ זעלנער; הערצבערג כאַצקל, אַ זעלנער; לייבאַק מאיר, אַ זעלנער; לאַנדסבערגער שמואל, אַ זעלנער; לעווין גבריאל, אַ זעלנער; מאַקס הענריק, אַ זעלנער; מיצנער ישראל, אַ זעלנער; מאָרדקאָוויטש גניעק, אַ זעלנער; מיטלבוים מיכאַל, אַ זעלנער; נאַפּטאַלעוויטש באָריס, אַ פּאָרוטשניק, נויפעלד יוסף, אַ פּאָדפּאָרוטשניק; פערדענשטיין שיע, אַ קאַפּראַל; פיינגאָלד לעאָן, אַ קאַפּראַל; פרידמאַן מאַריאַן, אַן עלטערער סערזשאַנט; פרייגאָלד יוליוש, אַ זעלנער, פראָם עמיל, אַ זעלנער; פעלדשטיין מאַקס, אַ זעלנער; צוקערקאָרן זעליג, אַ זעלנער; צוקערמאַן סטאַניסלאַוו, אַ זעלנער, שאַפער הענאָך, אַ פּלוטאָנאָווי; שוואַרץ שמעון, אַ זעלנער; שטאָקמאַן עמנואל, אַ מיליטערישער דאָקטאָר — אַ קאַפּיטאַן און אַנדערע.

עס איז אוממעגלעך אין די ראַמען פון אַן אַרטיקל אַרומצו־

נעמען דעם אָנטייל פון ייִדן אין די ווײַטערדיקע שלאַכטן, וועלכע עס האָט געפירט — אָרעם בײַ אָרעם מיט דער סאָוועטישער אַרמיי — דאָס פוילישע פאָלקס־מיליטער. מען דאַרף ספּעציעל באַטאָנען דעם אָנטייל אין דער שלאַכט בײַ קאָלאָבזשעג, אין פּאָמערן, און בײַ וורָאָצלאַוו, וווּ עס זענען געפאַלן אויך אַ סך פוילישע ייִדן.

אַ סך פון די וואָס האָבן אָנטייל גענומען און זיך אויסגעצייכנט אין די אויסגערעכנטע שלאַכטן האָבן נאָך דער באַפרײַונג קאָנטינויִרט דעם קאַמף קעגן די פאַשיסטישע דיווערסאַנטישע באַנדעס און זיך צוגעדינט בײַם באַפעסטיקן די זיכערקייט פון לאַנד. לשם בײַשפּיל וועלן מיר אָנרופן דעם נאָמען פון העלדישן יונגן ייִדישן אַרבעטער פון וולאָצלאַוועק אהרן ראָזענקער, וועלכער האָט אַדורכגעמאַכט די גאַנצע שלאַכט־עפּאָפּייע אין די רייען פון דער ערשטער פּאַנצער־בריגאַדע א"נ פון די פּאַרטיידיקער פון וועסטערפּלאַטע. נאָכן דערפילן זײַן פּאַטריאָטישן חוב אין קאַמף מיט די היטלעריסטישע פעלקער־מערדער און מיט דער אינערלעכער דיווערסיע האָט ער זיך געשטעלט צו פרידלעכער בויערישער אַרבעט, פּונקט ווי טויזנטער אַנדערע נעכטיקע שלאַכטברידער און הײַנטיקע אַרבעט־חברים.

אין יעדער שטאָט און שטעטל געפינען זיך געווים אַזעלכע ראָזענקערס און אַנדערע, פון אַ גרעסערן אָדער קלענערן פאַרנעם.

מיט שטאָלץ טראָגן מיר, פוילישע ייִדן, די דערהויבענע טראַדיציע פון דורות ייִדן קעמפער פאַר אַ פרײַ, ווערדיק און שעפעריש לעבן.

„פּאַטשעיאָוו“

II.

פון 1795 ביז 1939

מ. זאַקין און **ש. קאַמינסקי**
(בוענאָס איירעס)

אַ בליק אויף וואַרשע

(פון 1795 ביז 1939)

מיטן אונטערגאַנג פון דער פּוילישער מלוכה — נאָך דער דריטער צעטיילונג אין 1795 — הייבט זיך אָן אַ נײַ קאַפּיטל אויינעם לעבן פון לאַנד. די געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען וואָס די פּוילישע מלוכה האָט נישט געקאָנט לייזן צוליב דעם שולד פון דער שליאַכטע, ווערן נאָך שאַרפער בײַם אונטערגעיאָכטן פאָלק. די פּויערים בלײַבן אַזוי פאַרשקלאַפט ווי פריִער, דאָס שטאָטישע בירגערטום האָט פאַרלוירן דאָס ביסל רעכט וואָס די נישט רעאַליזירטע קאָנסטיטוציע פונעם 3טן מײַ האָט אים צוגעזאָגט, און די מאַגנאַטעריע דינט נאָך מער פאַררעטעריש די דרײַ אָקופּאַנטישע מאַכטן וואָס האָבן אומגעבראַכט דאָס פאָטערלאַנד. אָבער די נישט געלייזטע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען האָבן געפאָדערט זייער ענטפער און ממילא הייבט זיך אָן אַ יורונג און ברויזונג אין לאַנד, וואָס שטײַגט בסדר און כאַפּט אַרום וואָס ווײַטער ברייטערע קרײַזן פון דער באַפעלקערונג. דערצו האָבן מיטגעהאָלפן די געשעענישן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע — די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע און די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. די ליכטיקע גײַסטער פון פאָלק האָבן דערזען אויפן בײַשפּיל פון פראַנקרײַך דעם אופן ווי אַזוי פּטור צו ווערן פונעם פעאָדאַליזם, און ווי אַזוי אַרויסצופירן דאָס לאַנד אויפן וועג פון דעמאָקראַטישן פּראָגרעס.

דער ערשטער גרויסער אַרויסווײַז פון דעם נײַעם דעמאָקראַטישן „צײַטגייסט" איז געווען דער קאָשציושקאָ־אויפשטאַנד. דער דאָזיקער לעצטער פּאָליטישער אַקט פון פּוילן ווי אַ מלוכה איז גלײַכצײַטיק געוואָרן דער ערשטער גרויסער אַקט פון דער פּוילישער בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. דער אויפשטאַנד האָט אַרומגענומען די בורזשואַזער דעמאָקראַטיע. דער אויפשטאַנד האָט אַרומגענומען די אָרעמע שליאַכטע, גרויסע מאַסן פונעם בירגערטום און פּויערים. פאַקטיש האָבן זיך אינעם אויפשטאַנד באַטייליקט אַלע שיכטן פונעם פאָלק מיטן אויסנאַם פון דער פאַררעטערישער מאַגנאַטעריע. און דער באַוואָפנטער אָנטייל פון בערעק יאָסעלעוויטשעס יִדישן פאָלק האָט נאָך בולטער באַוויזן דעם אַלפאָלקישן כאַראַקטער פון דער באַוועגונג פאַר פּוילנס פרײַהייט.

דער יִדישער אָנטייל האָט אָבער באַדייט נאָך עפּעס. מאַניפעסטירנדיק זייער פולע אײַנגעוואָרצלטקייט אין דער פּוילישער ערד זענען די יִדן דורך זייער קאַמף און זייערע קרבנות צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן ווי אַן אָרגאַניזירטע מאַסע וואָס וועט פון איצט אָן אַלץ צודרינגלעכער פאָדערן איר פולע גלײַך־באַרעכטיקונג אין דעם לאַנד, פאַר וועלכן זי גיט דעם זעלבן בלוטשטײַער וואָס אַלע אַנדערע אײַנוווינערס. אויב די דאָזיקע גלײַך־באַרעכטיקונג האָט זיך פאַרשפּעטיקט אויף גאַנצע אַנדערטהאַלבן יאָרהונדערטער, אויב זי איז געקומען ערשט נאָכן היטלעריסטישן מבול ווען אין פּוילן זענען געבליבן בלויז רעשטלעך פון די אַפּשטאַמיקע פון די פּוילישע יִדן וואָס האָבן מיטגעמאַכט דעם קאָשציושקאָ־אויפשטאַנד, איז עס דערפאַר ווײַל די פּראָגרעסיווע כוחות פון דער פּוילישער געשיכטע זענען נישט געווען גענוג שטאַרק כדי צו באַפרײַען דאָס לאַנד פון דער אומגליקלעכער ירושה פון דער שליאַכטישער הערשאַפט.

אין דער אַלטער „זשעטשפּאָספּאָליטאַ" — ד"ה אין דעם פעאָדאַלן פּוילן — ווו די שטאָטלײַט האָבן נישט געהאַט קיין רעכט נאָר האָבן „גענאָסן" פון פּריווילעגיעס, איז נישט געווען מעגלעך קיין יִדישע גלײַך־באַרעכטיקונג. יִדן האָבן „גענאָסן" פון פּריווילעגיעס, זיי האָבן אָבער נאָך מער געליטן פון פאַרבאָטן — פאַרבאָטן צו וווינען אין געוויסע שטעט אָדער אין געוויסע געגנטן, פאַרבאָטן צו באַשעפטיקן זיך מיט געוויסע מלאכות אָדער מיט געוויסע צווײַגן פון האַנדל. זייער גרויס „גליק" אין פּוילן איז געווען וואָס די פּריצים און דער קעניג האָבן זיך אײַן זיי גענייטיקט ווי אין אַן אינסטרומענט פון דער פעאָדאַלער ווירטשאַפט.

מיר שטייען אָבער בײַם סוף פון 18טן און אָנהייב 19טן י"ה. דער פעאָדאַליזם אין פּוילן איז נאָך נישט פאַרשוווּנדן אָבער ער מוז אָפּטרעטן אַ סך פּאָזיציעס לטובת דער אויפקומענדיקער בורזשואַזיע. דער קאָשציושקאָ־אויפשטאַנד גופא איז אַן עטאַפּ אין דער אויספאָרמירונג פון פּוילן ווי אַ קאַפּיטאַליסטישע נאַציע. און די יִדישע גלײַך־באַרעכטיקונג ווערט פונקט אַזוי אַקטועל ווי די גלײַך־באַרעכטיקונג פון אַלע אײַנוווינערס בכלל.

שוין דער אויפרוף מיט וועלכן קאָשציושקאָ האָט זיך געוואָנדן צו די יִדן וועגן אַרײַנטרעטן אין דער באַפרײַונגס־אַרמיי איז אַ נײַס אין דער געשיכטע פון די פּוילישע יִדן. אויס מיט קירכלעכע בולעס, קעניגלעכע פּריווילעגיעס און פּריצישע שוצבריוו, צום ערשטן מאָל ווענדט מען זיך צו די יִדן ווי צו גלײַכע מיטבירגער, ווי צו קינדער פון איין פאָטערלאַנד. „ווער עס וויל געווינען פרײַהייט, דער זאָל קעמפן פאַרן פאָטערלאַנד ביזן לעצטן טראָפּן בלוט" — אַזוי זאָגט דער נײַער טאָן אין קאָשציושקאָס רוף. אַזעלכע ווערטער זענען מעגלעך אין מויל פון אַ מענטשן וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע קעגן די ענגלענדער, און נאָך מער זענען זיי מעגלעך און פאַרשטענדלעך אין אַ לאַנד וווּהין עס איז דערגאַנגען דער אָפּקלאַנג פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

די יִדישע מאַסן־באַטייליקונג אין דעם אויפשטאַנד איז געווען אַזוי וויכטיק, אַז זי האָט אַרויסגערופן בײַ אַ פּוילישן פּראָגרעסיוון היסטאָריקער דעם ווײַטערדיקן קאָמענטאַר: „בעת דער פּוילישער מאַגנאַט ביסקופּ מאַסאַלסקי האָט פאַרראַטן און איז צוגעשטאַנען צו דער טאַרגאָוויצע, האָט זײַן משרת, דער יִד בערעק יאָסעלעוויטש, געקעמפט פאַר פּוילנס פרײַהייט אויף דער זײַט פון טאַדעוש קאָשציושקאָ".

טראָץ דעם נצחון איבערן פּוילישן פאָלק האָט זיך דעם צאַרישן פעאָדאַליזם נישט אײַנגעגעבן אָפּצוהאַלטן די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פון לאַנד, אַזוי אַז דאָס גאַנצע נײַנצנטע יאָרהונדערט שטייט אונטערן צייכן פון דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין פּוילן בכלל און אין וואַרשע בפרט.

די אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן האָבן דעם פּראָצעס נאָך צוגעאײַלט. די מלחמות צווישן דעם בורזשואַזן פראַנקרייך און די פעאָדאַלע מלוכות פרײַסן, עסטרײַך און רוסלאַנד האָבן פאַרשנעלערט דעם וווּקס פון קאַפּיטאַליזם אין גאַנץ אייראָפּע און במילא אויך אין פּוילן. עס קומען פאָר טיפע ענדערונגען אין לעבן פון לאַנד, עס בײַט זיך די ווירטשאַפט, עס וואַקסן אויס נײַע סאָציאַלע כוחות, עס ענדערט זיך דער אויסזען פון די שטעט. דער דעמאָגראַפישער וווּקס איז אַ באַדייטנדיקער.

די וואַרשעווער יִדן האָבן פון דער אַלטער פּוילישער מלוכה אָפּגעירשנט דעם פאַרבאָט צו וווינען אין דער הויפּטשטאָט. אין דעם דאָזיקן פאַרבאָט זענען געווען פאַראינטערעסירט די רײַכערע שטאָטלײַט און די צעכן וואָס האָבן מורא געהאַט פאַר דער יִדישער קאָנקורענץ. זיי טאַקע זענען עס בסדר אײַפערדיק געשטאַנען אויף

דער וואך און געהיטן אַז וואַרשע זאָל זײַן ייִדנריין. עס האָט זיך זיי אָבער קיין מאָל ניט אײַנגעגעבן צו רעאַליזירן זייער ווונטש אויף הונדערט פּראָצענט. שטענדיק איז געווען אין וואַרשע אַ ייִדישער יִשוב, אַ מאָל אַ קלענערער, אַ מאָל אַ גרעסערער. צום סוף פון 18טן י״ה האַלט דער יִשוב אין איין וואַקסן. אויב אין 1765 וווינען אין וואַרשע 2519 ייִדישע נפשות, אין עטלעכע און פערציק הייף, און באַשעפטיקן זיך דער עיקר מיט מעקלערײַ, גרויסהאַנדל און מיט געבן געלט אויף פּראָצענט, זענען שוין דאָ אין 1792 6750 ייִדן, וואָס באַוווינען 370 הייף און פאַרנעמען זיך מיט שנײַדערײַ, היטל־מאַכערײַ, קירזשנערײַ, גאָלדשמידערײַ און אַנדערע פאַכן. אין געוויסע צווײַגן, צ״ב באַקלייד, מאַכן זיי אויס איבער 80 פּראָצענט.

דערווײַל גייט אונטער די פּוילישע מלוכה און וואַרשע פאַלט אַרײַן צו פּרײַסן — אויף 10 יאָר — ווי די הויפּטשטאָט פון אַ נײַער פּרײַסישער פּראָווינץ. די ערשטע שריט פון דער פּרײַסישער מאַכט זענען דווקא גינסטיק פאַר די ייִדן. מען דערלויבט זיי צו וווינען אין אַלע גאַסן און עס ווערן אײַנגעפירט געוויסע רעפאָרמען. די פּרײַסישע רעגירונג באַמיט זיך צו "אייראָפּעיִזירן" אידעפּוילישע ייִדן. זי צווינגט זיי אָנצונעמען פאַמיליע־נעמען און פאַרווערט די רבנים אויסצורופן אַ חרם. אָבער נישט לאַנג דויערט דער „ליבעראַלער״ קורס. שוין אין 1798 דערשײַנט אַ פּרײַסישער רעסקריפּט וועגן אַרויסטרײַבן די ייִדן פון וואַרשע און עס ווערן אײַנגעפירט ספּעציעלע ייִדישע שטײַערן, וואָס דריקן אומגעהייער אויף דער ייִדישער אָרעמקייט, בפרט אַז די פּרײַסישע מאַכטהאָבער ווענדן אָן זייער באַרימטע סיסטעמאַטישקייט בײַם אײַנמאָנען דאָס וואָס זיי פאָדערן פאַרן מלוכה־אוצר. אפילו פאַר אַ דערלויבעניש אויף אַ בית־עולם דאַרפן ייִדן צאָלן 400 זלאָטעס יערלעך (אַ גרויסע סומע אין יענער צײַט און בײַ דעם קליינעם ייִדישן יִשוב אין וואַרשע). עס ווערט אויך צוריק אײַנגעפירט דער חרם — דאָס מאָל ווי אַ מיטל כדי אַרײַנצוקריגן די שטײַערן.

לאַנג האָט אָבער נישט געדויערט די פּרײַסישע ממשלה אין וואַרשע. הינטער יענאַ האָט נאַפּאָלעאָן צעקלאַפּט, אין 1806, די פּרײַסישע חילות און האָט געבראָכן פּרײַסנס העגעמאָניע אין צענטראַל־אייראָפּע. פּרײַסן האָט זיך געמוזט צוריקציִען פון שטיקער פּוילן און אויך פון וואַרשע און די פראַנצויזן האָבן געשאַפן אַ נײַ מלוכהלע — די פירשטנשאַפט וואַרשע, מיט אַ זאַקסישן הערשער בראש. פאַרן לאַנד איז געגרייט געוואָרן אַ קאָנסטיטוציע, באַזירט אויפן נאַפּאָלעאָנישן קאָדעקס, וואָס האָט געזאָלט אָפּשאַפן די באַגרענעצונגען פאַר ייִדן. דאָ האָט מען זיך אָבער אָנגעשטויסן אויפן ווידערשטאַנד פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט, וועלכער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אײַנגיין אויף ייִדישער גלײַך־באַרעכטיקונג. און ער האָט זײַנס אויסגעפירט. אין 1809 איז אַרויס אַ דעקרעט וואָס האָט פעסטגעשטעלט אין וועלכע גאַסן פון דער הויפּטשטאָט ייִדן טאָרן נישט וווינען. פון דעסט וועגן איז אין דעקרעט אײַנגעפירט געוואָרן אַ „נייס״: ער האָט געמאַכט אויסנאַמען פאַר געוויסע קאַטעגאָריעס ייִדן וואָס באַזיצן גרויסע קאַפּיטאַלן, וואָס גייען געקליידט אייראָפּעיִש און וואָס קענען רעדן פרעמדע שפּראַכן. אויף דער דאַזיקער דינישטשקער שיכט ייִדישע גבירים זענען נישט חל געווען די אַנטי־ייִדישע באַשרענקונגען.

די צאַרישע מאַכט וואָס האָט פאַרנומען וואַרשע נאָך נאַפּאָלעאָנס מפּלה אין רוסלאַנד האָט באַשטעטיקט אַלע באַגרענעצונגען לגבי די ייִדן און האָט נאָך צוגעגעבן נײַע. די קאָנסטיטוציע פון קעניגרייך פּוילן האָט אָנערקענט בירגעררעכט פאַר אַלע קריסטן „אָן אונטערשיד פון אמונה״ און עס ווערט אײַנגעפירט מיליטער־פליכט פאַר אַלע אײַנוווינערס. אָבער פאַר ייִדן איז געמאַכט געוואָרן אַן אויסנאַם, וואָס הגם אין גרונט איז ער אַרויסגעדרונגען פון דער ייִדישער רעכטלאָזיקייט, האָבן אים די פאַנאַטיש פרומע ייִדן באַטראַכט ווי אַ טובה, דהיינו: ייִדן האָבן נישט געמוזט דינען אין מיליטער , זיי האָבן געקענט אָפּקומען מיט אַ רעקרוטן־שטײַער, וואָס האָט אין וואַרשע באַטראָפן אין נאָרמאַלע צײַטן 100.000 גילדן יערלעך. אגב איז דאָס דינען, וואָס האָט געדויערט עטלעכע יאָר, באמת געווען אַן אָפּקומעניש.

צו די ערגסטע גזירות פון די אַלט־נײַע מושלים געהערן מסתמא דאָס ווידער־אײַנשטעלן דעם טאָגצעטל פאַר „פרעמדע״ ייִדן וואָס קומען קיין וואַרשע און דאָס אײַנפירן דעם ייִדישן רעוויר — ד״ה אין דער אמתן אַ געטאָ פאַר דער וואַקסנדיקער ייִדישער באַפעלקערונג.

פון דעסט וועגן קען מען נישט זאָגן אַז דאָס שאַפן דאָס „פּוילישע קעניגרייך״ (אָדער קאָנגרעס־פּוילן ווײַל עס איז געווען אַ פּראָדוקט פון ווינער קאָנגרעס) האָט געבראַכט בלויז שאָדן פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג.

וואַרשע און אַנדערע פּוילישע שטעט, וואָס זענען אינדוסטריעל געווען מער אַנטוויקלט ווי רוסלאַנד, האָבן געפונען אַ ריזיקן אָפּזאַצמאַרק פאַר זייערע פּראָדוקטן. מעטאַל־אויסאַרבעטונגען, וועבערײַ און אַנדערע אינדוסטריעלע אַרטיקלען האָבן אָנגעהויבן פליִצן פון מערב קיין מזרח, פון אָקופּירטן פּוילן צום אָקופּירנדיקן רוסלאַנד און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן עקאָנאָמישער וווּקס וואָס האָט אין ווייניק צײַט געענדערט דאָס פּנים פון לאַנד. ייִדן זענען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין שטראָם פון דעם נײַעם עקאָנאָמישן פּראָצעס. ייִדישע האַנדווערקערס, לופטמענטשן און סטאַם אָרעמע־לײַט ווערן פּראָלעטאַריער. וואַרשע באַקומט כסדר אַ צושטראָם פון ייִדן פון דער פּראָווינץ און אפילו פון דער ווײַטער ליטע. אַלע דעקרעטן און אַלע פאַרבאָטן וואָס שייך די רעכט פאַר ייִדן צו וווינען אין וואַרשע ווערן בטל דורך דער קראַפט פון לעבן. די שטאָט איז אַרײַנגעשלעפּט אינעם אימפּעט פון דער אַרבעט. עס העלפן ווייניק די פּראָטעסטן פון די פּוילישע האַנטווערקערס און קליינהענדלערס און אויך פון די דײַטשע מייסטערס, וואָס קלאַמערן זיך אין דעם איבערבלײַב פון מיטל־עלטער און האָבן מורא פאַרן ייִדישן קאָנקורענט. זיי קענען בלויז נישט דערלאָזן ייִדן צו קוואַליפיצירטע אַרבעטן און אַרויפצווינגען אויף די ייִדישע בעל־מלאכות דעם ביליקן טאַנדעט, וואָס ווערט, אגב, גיך פאַרשפּרייט טאַקע צוליב זײַן ביליקייט. זיי קענען אָבער נישט אָפּשטעלן דעם פּראָצעס פון אַרײַנציִען ייִדן אין דער פּראָדוקציע, אַזוי אַז אין 1825 זענען קנאַפּע 73 פּראָצענט פון אַלע ייִדן אין קאָנגרעס־פּוילן געווען בעלי־מלאכות, אַרבעטער אָדער טאָגלוינער. דער רוסישער מאַרק איז זייער אַ גרויסער און ער גיט אַרבעט פאַר באַדייטנדיקע טיילן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. פיל ייִדן „אַרבעטן זיך אַרויף״, ווערן גרויסע סוחרים און וואָיאַזשאָרן וואָס מאַכן דורך גרויסע האַנדלס־רייזעס. פאַר זיי עקסיסטירט שוין מער נישט דער ראָגאַטקע־טויער. זיי קומען פון די ווײַטע לענדער מיט נײַע קענטענישן און נײַע באַגריפן. די אַלטע פרום־ייִדישע גייסטיקע וועלט איז פאַר זיי שוין נישט גענוג.

וועגן דער דאָזיקער וועלט האָט שמעון דובנאָוו געהאַט אָט וואָס צו זאָגן:

> „אין יענער צייט, ווען אין מערב־אייראָפּע איז פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש אין דעם אַלטן ייִדישן שטייגער, זענען די געדיכטע ייִדישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע קולטורעל געבליבן פאַרגליווערט שטיין אויף איין אָרט. ביידע ריכטונגען פון זייער גייסטיק לעבן, רבנות און חסידות, האָבן ציטעריק אָפּגעהיט די יסודות פונעם אַלטן לעבנס־שטייגער, די דערציִונג איז געבליבן ווי אַ מאָל: אין חדרים און אין ישיבות האָט מען געלערנט תורה. מען האָט געשאַרפט די מוחות. מען איז אָבער געווען אָפּגעריסן פון לעבן. מיידלעך האָבן אַזאַ דערציִונג אויך נישט געהאַט. זיי זענען פאַרבליבן מחוץ יעדער שול. מען האָט זיך געפירט אַלטפרענקיש, פרי חתונה געמאַכט קינדער (צו 13־16 יאָר), געהאַלטן אויף קעסט, געקינדלט ביי דער גרעסטער אָרעמקייט און אָפּגעקומען דאָס לעבן בשהי־פהי, אויסגעצערט און יונגערהייט פאַרעלטערט. די דאָזיקע פרום־פאַרצייטיקע מאַסע האָט מורה געהאַט פאַר יעדער גייסטיקער „נייס״, פאַר יעדן פרווו צו פאַרברייטערן איר גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן קוק. צו אַ קריג צווישן רעליגיעזער און וועלטלעכער קולטור איז נאָך נישט געקומען. די מחלוקות צווישן רבנות און חסידות איז געווען לשם שמים. דאָס איז געווען אַ קריג וועגן דעם טיפּ פון אַ פרומען ייִדן: אַלטע דיסציפּלין פון תורה און מצוות האָט זיך געראַנגלט קעגן דער כוואַליע פון באַגייסטערטער מיסטיק, קעגן דעם בליגדן קולט פון הייליקע צדיקים״.

די דאָזיקע רייד קען מען זיכער אָנווענדן אויף דער ערשטער צײַט פון נײַנצנטן יאָרהונדערט אין וואַרשע. אָבער אין די צוואַנציקער יאָרן הייבט זיך אָן אַן ענדערונג. דאָס אײַז הייבט אָן צו צעגיין. דער חדר איז שוין נישט גענוג פאַר דער דינער שיכט רײַכע סוחרים און אויך נישט פאַר טיילן פון ייִדישן מיטלשטאַנד. עס אַנטשטייט דער מאָדערניזירטער חדר און עס קומען אויף די ערשטע וועלטלעכע שולן און. גאָר בקרוב ווערט געגרינדעט דער ראַבינער־

אינסטיטוט, וואָס האָט אגב אין די קאַרגע פערציק יאָר פון זײַן עקסיסטענץ נישט אַרויסגעגעבן קיין איין ראַבינער, האָט אָבער יאָ אַרויסגעגעבן אַ גרויסע צאָל מענטשן מיט וועלטלעכער בילדונג.

בילדונג און וועלטלעכקייט ווערן בכלל אָפטער צווישן יִדן. עס באַווײַזט זיך די ערשטע „יִדישע" צײַטונג אין וואַרשע — „דער בעאָבאַכטער אַן דער ווײַכסעל". די שפּראַך אירע איז געווען דײַטש, געשריבן מיט יִדישע אותיות, איר טיראַזש איז געווען אַ ביז גאָר קליינער — 150 עקזעמפּלאַרן, איר לעבן איז געווען אַ קורצס — אין גאַנצן איין יאָר. פון דעסט וועגן איז אירע סאַמע עקסיסטענץ אַ סימן פון אַנטשטאַנענע נײַע אינטערעסן צווישן יִדן. און אַז די צײַט איז שוין אַן אַנדערע זעט מען אויך דערפון וואָס עס גרינדעט זיך, אין 1820, דער ערשטער יִדישער פאַראיין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע — „סטאָוואַזשישעניע סוביעקטאָוו ווינזנאַניאַ מאָיזשעשאָוועגאָ". די רעליגיעזע, מיטל־עלטערישע אַטמאָספער פון שול און חדר איז שוין אַ צו דושנע פאַר דער יִדישער יוגנט. דער משרת, דער אַרבעטער, דאָס דינסטמיידל זוכן אַ ביסל מער פרײַהייט, מער לופט. זיי ווילן זיך פאַרווײַלן, זיי גלוסטן צו דער וועלט אויסערן געטאָ, צום גרינעם וואַלד, צום טײַך. אַ גאַנצע וואָך זענען זיי פאַרהאָרעוועט, אָבער אַז עס קומט שבת גייען זיי שוין מער נישט לייענען פּרק, אָדער דעם טײַטש־חומש — זיי פאַרשווינדן הינטער דער שטאָט צו פאַרזוכן אַ ביסל אָרעמאַנסקע עולם־הזה. אָבער גאָטס סטראַפּטשעס שלאָפן נישט, זיי קענען נישט דולדן „הפקרות" און עס הייבט זיך אָן אַ קאַמף און די שומרים פון דת באַנוצן זיך מיטן כוח פון דער גויִישער פּאָליציי כדי אָפּצוהיטן די גאַנצקייט פון דער כנסת ישראל.

די צײַט גייט אָבער נישט אין דער ריכטונג וווּהין עס ווילן עס פירן די רעאַקציאָנערן מכל המינים. אפילו אין לאַנד פון צאַרישן אַבסאָלוטיזם קומען אויף נײַע דעמאָקראַטישע אידעען. עס זענען די יאָרן ערב און נאָך דעם דעקאַבריסטן־אויפשטאַנד אין רוסלאַנד. די פּריצישע יוגנט אין אָפיצירן־מונדירן, אַ באַווירקטע דורך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וויל אײַנפירן קאָנסטיטוציאָנעלע רעפאָרמען אין ריזיקן לאַנד. זי מאַכט אַן אויפשטאַנד, אָבער עס איז נאָך נישט געקומען די צײַט פאַר דער פּאָליטישער טראַנספאָרמירונג פון רוסלאַנד. נאָכן דערשטיקן דעם פּרוּוו פון די דעקאַבריסטן וויל דער צאַר אומברענגען אַלץ וואָס שמעקט מיט דער פראַנצויזישער קראַמאָלע: אויך אויף פּוילן רוקט זיך אָן אַ שעה פון נסיון, מען וויל אָפּשאַפן די רעשטלעך זעלבשטענדיקייט פון „פּוילישן קעניגרייך". אַזוי דערנענטערן מיר זיך צום אויפשטאַנד פון נאָוועמבער 1830.

ערב דעם אויפשטאַנד זענען שוין די געזעלשאַפטלעכע שטראָמען אין פּוילן היפּש אויסגעפורעמט. פון איין זײַט געפינט זיך דער עלטערער דור שליאַכטע, העכערע אַרמיי־אָפיצירן, די גרויס־בורזשואַזיע. זיי ווילן נישט קיין אויפשטאַנד. די שליאַכטע ציטערט פאַר דער באַפרײַונג פון די פּויערים. די העכערע מיליטער־לײַט, וואָס שטאַמען אויך פון דער שליאַכטע, זיצן אויף פעטע פּאָסטנס און זיי האָבן קיין אינטערעס נישט אין שינוים וואָס קענען צעוואַקלען זייערע פּאָזיציעס. די גרויס־בורזשואַזיע איז צופרידן פון אירע דערגרייכונגען און פון איר וואַקסנדיקער מאַכט. פון דער צווייטער זײַט, אָבער, געפינען זיך די אָרעמע שליאַכטע, דאָס שטאָטישע קליינבירגערטום, די נידעריקערע אָפיצירן. זיי זענען די טרעגערס פון די אידייען פון נאַציאָנאַלער באַפרײַונג. עס פעלט זיי אָבער גענוג רעוואָלוציאָנערער מוט כדי אַרויסצושטעלן אַ הויפּט־פאָדערונג וואָס קען געווינען די דאָרפישע פאָלקסמאַסן פאַרן קאַמף און דורך דעם דעצידירן דעם גורל פון דער רעוואָלוציאָנערער מלחמה — די פאָדערונג פון דער באַפרײַונג פון די פּויערים. אָן דעם לאָזונג איז דער אויפשטאַנד פון פאָרויס פאַרמשפּט.

דאָס דאָזיקע פעלן פון רעוואָלוציאָנערן מוט קומט אויך צום אויסדרוק אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער מיליטערישער אָנפירונג פון דעם אויפשטאַנד. עס ווערט באַשטימט ווי אַ מיליטערישער דיקטאַטאָר דער גענעראַל כלאָפּיצקי וואָס האָט אַליין וויניק געגלייבט אין נצחון. במילא זענען די שאַנסן אויף אַ זיג געווען גאָר קליינע.

די יִדישע מאַסע האָט זיך צום אויפשטאַנד באַצויגן אין אַלגעמיין מיט סימפּאַטיע, און אפילו מיט אַקטיווער סימפּאַטיע. גרויסע טיילן פון דער יִדישער יוגנט האָבן געוואָלט זיך באַטייליקן מיט געווער אין האַנט אין קאַמף פאַרן פאָטערלאַנד. אָבער די פירער פון אויפשטאַנד האָבן אויך בנוגע יִדן אַרויסגעוויזן די זעלבע האַלבקייטן, די זעלבע נישט־דערייסטקייטן וואָס בנוגע אַנדערע פּראָבלעמען. זיי האָבן אפילו ניט געוואָלט אַרײַננעמען די יִדן אין די אַלגעמיינע מיליטערישע פאָרמאַציעס, כלומרשט צוליב די יִדישע בערד. פון דעסט וועגן האָבן אַ סך הונדערטער יִדן פאַרגאָסן זייער בלוט אין קאַמף קעגן די צאַרישע אַרמייען.

דער אויסגאַנג פונעם אויפשטאַנד איז געווען אַ טראַגישער. די אויפשטענדלער האָבן געליטן מיליטערישע מפּלות און סוף כל סוף האָבן פּאַסקעוויטשעס חיילות אַרײַנגעמאַרשירט קיין וואַרשע. פּאַסקעוויטש האָט מיט טריומף געקענט מעלדן דעם צאַר אַז „וואַרשע ליגט בײַ די פיס פון אײַער קייסערלעכער מאַיעסטעט".

דער דעראָבערער פון וואַרשע האָט אויסגערעכנט בלוטיק זיך נוקם צו זײַן אין פּוילן. דעם פּרינציפּ פון טייל און הערש האָט ער דורכגעפירט מײַסטערהאַפט. ער האָט מיט פּאָטערלעכער זאָרג באַשיצט און געהאָלפן די העכערע שפּיצן פון די פּוילישע מיליטער־לײַט און אייבערשטע מלוכה־אָנגעשטעלטע און די עליטע פון דער פּוילישער און יִדישער בורזשואַזיע, וועלכע האָבן צוזאַמען באַקעמפט דעם אויפשטאַנד. אָט די דאָזיקע פּראָטעזשירטע פונעם אָקופּאַנט זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָנשפּאַרפּונקט כדי אונטערצודריקן און אויסצוהונגערן די ברייטע פאָלקסמאַסן, די פּוילישע ווי די יִדישע, אויף וועלכע ס'האָט געהאָגלט איין גזירה נאָך דער אַנדערער. ס'ווערט אײַנגעפירט אַ צאָלגרענעץ פון פּוילן קיין רוסלאַנד אָבער עס בלײַבט אָפן די גרענעץ פאַרן אימפּאָרט פון רוסלאַנד קיין פּוילן. די רעזולטאַטן דערפון זענען געווען אַ טיפער עקאָנאָמישער קריזיס אין פּוילנס אינדוסטריע; גאַנצע טעקסטיל־צענטערס זענען אָפּגעווישט געוואָרן, אַרבעטלאָזיקייט און נויט האָט געזאָלט ווערן די שטראָפבײַטש פאַרן בונטאַרישן פאָלק. אַ ספּעציעלע „אויפמערקזאַמקייט" האָט פירשט פּאַסקעוויטש געשאָנקען דער יִדישער אָרעמקייט, אײַנפירנדיק לגבי איר אַ זייער שטרענגען רעזשים, שווערע שטײַערן, טאָגצעטלען און אַ תקנה וואָס האָט נאָך מער באַגרענעצט די צאָל גאַסן אויף וועלכע יִדן האָבן געמעגט וווינען אין וואַרשע. אין 1842 האָט דער בלוטיקער צאַר ניקאָליי דער ערשטער אָפּגעשאַפט דעם רעקרוטן־שטײַער פאַר די פּוילישע יִדן און אײַנגעפירט אָבליגאַטאָרישע מיליטער־דינסט פון 25 יאָר.

רוסלאַנד שטעלט זיך אַלץ מער אַרויס ווי אַ שוואַרצער זשאַנדאַר אין דער צעשטורעמטער אייראָפּע. ווען די בורזשואַזיע גרייט זיך צו דערלאַנגען אַ דעצידירנדיקן קלאַפּ די נאָך עקסיסטירנדיקע רעשטלעך פון פעאָדאַלן רעזשים, ווען די מערב־אייראָפּעיִשע פעלקער — פראַנקרײַך, עסטרײַך, דײַטשלאַנד און איטאַליע — גייען אַרויס אויף די גאַסן צו באַשיצן די געוווּנענע בירגעררעכט, ווען צווישן די פעלקערמאַסן האַלטן זיך אין אויספורעמען די קאָנסעקווענטע פאָרגייער און קעמפער פאַר דער באַפרײַונג פון אַרבעטער־קלאַס, — דעמאָלט פאַרמעסט זיך דער בלוטיקער תלין, דער צאַר ניקאָליי, אונטערצודריקן דעם פעלקער־פרילינג, און די רעוואָלוציע אין אונגאַרן ווערט אכזריותדיק צעטראָטן פון די צאַרישע שטיוול.

דאָס יאָר 1848 האָט אויך אויפגעטרייסלט די פּוילישע געזעלשאַפט; אין וואַרשע זענען פאָרגעקומען אומרוען. הגם צו גאָר גרויסע אַרויסטריטן איז עס נישט דערגאַנגען, האָט פון דעסט וועגן דער צאַר געפילט די וואַקסנדיקע אומרויִקייט צווישן פּוילישן פאָלק. בלוטיקע שטראָף־עקספּעדיציעס קעגן דעם פאַרשקלאַפטן פּויערטום און גרעסערע פּריווילעגיעס פאַר דעם פּוילישן אַדל, אַ דרוק אויף דעם מיטלשטאַנד און דאָס שאַפן אַ קנעכטישן „טשינאָווניקטום" פון פּאָליאַקן, דאָס אָפּשאַפן יעדן סימן פון דער פּוילישער קולטור־אויטאָנאָמיע און דאָס פאַרזייען אַ פּאָגראָם־אַנטיסעמיטיזם, — דאָס אַלץ איז געוואָרן דער רעגירונגס־פּלאַן פאַרן אונטערגעיאָכטן לאַנד. אָבער טראָץ אַלע נגישות האָט די מרידה געיוירט אין די טיפענישן פונעם פאָלק. פּוילישע בעלי־מלאכות, צוריקגעקומענע פון דער עמיגראַציע, האָבן געגרינדעט די ערשטע קאָנספּיראַטיווע קרײַזלעך וואָס האָבן אָנגעהויבן גרייטן אַ נײַעם אויפשטאַנד קעגן רוסלאַנד. פיל פון דער יִדישער שטודירנדיקער יוגנט, אַסימילירטע אין זייער פּאַטריאָטישן אייפער, ווערן פאַרכאַפּט פון דער נייער באַוועגונג, וואָס איר סאָציאַלער פּראָגראַם איז אַ סך בולטער ווי די רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגיע פון 1831, כאָטש ער איז נישט גענוג קלאַסן־קלאָר.

דאָס דעמאָלטיקע רוסלאַנד איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין אַ מלחמה קעגן ענגלאַנד און פראַנקרײַך (1853—1855) — אין דעם

אַזוי גערופענעם קרימער קריג — און האָט געליטן אַ שטאַרקע מי־ליטערישע מפּלה וואָס האָט גורם געווען אַ טיפּע צעטרייסלונג אין דער סטרוקטור פון דער צאַרישער אימפּעריע, און דער טויט פון ניקאָליי דעם ערשטן און פונעם נאַמיעסטניק פון פּוילן פּירשט פּאַשקעוויטש האָט אַרײַנגעבראַכט אַ געוויסע פאַרלײַכטערונג אין די שטימונגען פון לאַנד, וואָס זענען געוואָרן נאָך האָפערדיקער אַ דאַנק די ליבעראַלע רעפאָרמען וואָס דער נײַער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער האָט אײַנגעפירט. עס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן ניקאָלייס רעקרוטן־געזעץ בנוגע ייִדן, עס זענען באַפרייט געוואָרן די קאַנטאָניסטן, עס איז אויפגעקומען דער מאָדערנער בילדונגס־סיסטעם, עס האָבן זיך געעפנט פאָלקסשולן, גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן, אין וועלכע ייִדן ווערן צוגעלאָזן. אין רעזולטאַט פון מער פרײַהייטן איז אויפגעקומען אַ מאָדערנע ייִדישע אינטעליגענץ.

ווי אַ פּועל־יוצא פון דער פאַרשפּילטער מלחמה איז רוסלאַנד געבליבן אָפּגעשניטן פון דיאייראָפּעיִשע מערק. דער דוחק אין פּראָוויאַנטירונג האָט אָנגענומען אַ קאַטאַסטראָפאַלן כאַראַקטער. די רע־גירונג האָט געמוזט אָנקומען צום אונטערגעיאָכטן פּוילן ווי צו אַ באַשפּײַזונגס־באַזע. פּוילן האָט ראַשיק אויפגעלעבט, דער האַנדל און אינדוסטריע האָבן געהאַלטן אין איין שטײַגן. ייִדן האָבן אָנגע־הויבן וואָס אַ מאָל מער צו פאַרנעמען פעסטערע פּאָזיציעס, און אין אַ סך פאַלן איבערגעשטיגן די פּוילישע מאַגנאַטן וועלכע האָבן געוואָלט די שטעט פאַרוואַנדלען אין זייערע אינדוסטריעלע פאָל־ווארקן. דער קאַפּיטאַליסטישער אַרײַנוווּקס אין די פּוילישע שטעט, בפרט אין וואַרשע, האָט אומגעוואָרפן די געטאָ־מויערן. ייִדן האָבן באַקומען מער בירגערעכט און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ ייִדישע פּרעסע: „יוטזשענקאַ" (אין פּויליש), „הצפירה" (אין העברעיִש), ס'באַווײַזט זיך אַ ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט.



ווארשעווער גאָלדהענדלער אין 19טן י״ה

(בילד פון א. פּיוואָרסקי)

אין די ליבעראַלערע באַדינגונגען האָט דער רעוואָלוציאָנערער פּאַטריאָטיזם פון דער פּוילישער באַפעלקערונג צעשפּאַרט די צוימען פון קאָנספּיראַטיווע קרײַזלעך און איז געוואָרן אַ מאַסן־באַוועגונג. עס אַנטשטייען צוויי פּאַרטייען, וואָס דריקן אויס די כוחות־פאַר־העלטעניש אין דעמאָלטיקן פּוילן: די ווײַסע, די פּאַרטיי פון די אַגראַר־ און פינאַנץ־מאַגנאַטן, און די רויטע, — די פּאַרטיי פונעם שטאָטבירגערטום און פון דער אינטעליגענץ.

די העכערע שיכטן פון דער שליאַכטע און די אייבערשטע שפּיצן פון דער בורזשואַזיע זענען געווען קעגן דער פּאַטריאָטישער באַוועגונג. זייערער אַ מענטש, דער מאַרקגראַף וויעלאָפּאָלסקי איז דורכן צאַר נאָמינירט געוואָרן ווי דירעקטאָר פון דער „קאָמיסיע פאַר רעליגיע און בילדונג". דאָס האָט באַדייט אַז ער איז דער פּאָליטי־שער מושל איבערן לאַנד. ער צוזאַמען מיט זײַן קלאַס האָט געדאַרפט אײַנשטילן דאָס אָנקומענדיקע געוויטער. דער צאַר האָט נישט גע־קאַרגט קיין הנחות פאַר זײַנע טרײַע דינער אין פּוילן. אַזוי האָט ער די פּריצים באַלוינט מיטן איבערלאָזן די פּאַנטשינע, און ער האָט געגעבן גרויסע פינאַנציעלע קאָנצעסיעס פאַר די ייִדישע און פּויליש־שע מאַגנאַטן. פון די אַלע רעפאָרמען, וואָס זייער ציל איז אויסן גע־שע מאַגנאַטן. פון די אַלע רעפאָרמען, וואָס זער ציל איז אויסן גע־ווען ענגער צוצובינדן פּוילן צו דער צאַרישער אימפּעריע און צו באַ־פעסטיקן דעם קאַפּיטאַליזם אין לאַנד, האָבן די אינטעליגענץ, די אַרבעטער און די בעלי־מלאכות נישט גענאָסן: זיי האָבן פאַרנומען זייערע פּאָזיציעס אינעם צוגרייטן דעם אויפשטאַנד פאַר פּוילנס פרײַהייט. די דאָזיקע צײַט האָט זיך אויסגעצייכנט מיט דער פּויליש־ייִדישער פאַרברידערונג. די צעכן און די אַנדערע עקאָנאָמישע און פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס האָבן דעמאָנסטראַטיוו אויפגעמאַכט זייערע טירן פאַרן ייִדישן מיטבירגער. אַ פירנדיקע ראָלע אין דער פּויליש־ייִדישער פאַרברידערונג האָט געשפּילט דער וואַרשעווער רב הכולל דוב בער מייזעלס, וועלכער האָט מיט פּאַטריאָטישן פּאַ־טאָס גערופן די ייִדישע באַפעלקערונג צום קאַמף פאַר דער זעלבּ־שטענדיקייט פון פּוילן.

די צוויי יאָר (1861—1862) ווען די וואַרשעווער באַפעלקע־רונג האָט כמעט באַהערשט די גאַסן פון דער שטאָט, טראָץ די הרי־גות פון די קאָזאַקן, די טאָג־טעגלעכע דעמאָנסטראַציעס, „פאַר אונ־זער און אײַער פרײַהייט" אָנגעפירטע דורכן רב מייזעלס און ביסקופּ פיאַלקאָווסקי און געשטיצטע דורך די „רויטע", דאַרפן באַצייכנט ווערן ווי דער באַגינען פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די פּויליִשע העכערע שליאַכטע, וועלכע איז ווי אַלע מאָל גע־שטאַנען צו דינסט פונעם אָקופּאַנט און האָט איצטער נישט געהאַט דעם מוט עפנטלעך זיך קעגנצושטעלן דעם רעוואָלוציאָנערן מאַסן־אויפברויז, האָט אָנגעהויבן אַ ווילדע אַנטיסעמיטישע פּאָגראָם־קאַמ־פּאַניע ווי אַ מיטל צו צעברעכן די נאַציאָנאַלע איינִיקייט. אָבער די פירנדיקע גײַסטער פון פּוילן, האָבן שאַרף אַטאַקירט די פאַררעטע־רישע גענג פון דער מאַגנאַטעריע און זיי האָבן מוטיק געשטיצט די נאַציאָנאַלע פאַראייניקונג פון ייִדן און פּאָליאַקן.

די פּראָוואָקאַציעס פון צאַריזם און פון זײַנע פּוילישע אַגענטן וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום וויעלאָפּאָלסקין, האָבן בלויז צוגע־אײַלט דעם מאָמענט פון באַוואָפנטן קאַמף אין פּוילן. עס איז זיי געלונגען צו שאַפן אַ לאַגע פון פאַרצווייפלטער אומגעדולדיקייט, וואָס דאָס האָט גורם געווען דעם פריצײַטיקן געבורט פון יאַנואַר־אויפשטאַנד (1863) וועלכער האָט געהאַט אַ טראַגישן אויסלאָז נאָך אַ סך חדשים העראָיִשע און בלוטיקע שלאַכטן.

נאָכן יאַנואַר־אויפשטאַנד זענען די פּוילישע העכערע קלאַסן אַריבער צו אָפענער מיטאַרבעט מיטן צאַריזם. די דאָזיקע טענדענץ

האָט געפונען איר אידעאָלאָגישע באַרעכטיקונג אין דער פילאָסאָפיע פון פּוילישן פּאָזיטיוויזם, וואָס האָט פּראָקלאַמירט די טעזע פון „אָרגאַנישער אַרבעט" — ד"ה פון אָפּגעבן זיך מיט אַנטוויקלען דאָס לאַנד עקאָנאָמיש און אינדוסטריעל און אָפּזאָגן זיך פון די „רעוואָלוציאָנערע פאַנטאַזיעס". אַז אַזאַ טעזע איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר דער פּוילישער בורזשואַזיע וואָס האָט געשטרעבט צו זאַמלען ריזיקע פּראָפיטן אַ דאַנק איר פּאָזיציע פון אַ צושטעלערין פון אינדוסטריעלע אויסאַרבעטונגען פאַרן וואַקסנדיקן רוסישן אָפּזאַצמאַרק — איז דאָך נישטאָ קיין ספק. די אידעע אָבער וועגן פּוילנס באַפרייַונג איז דאָך נישט געשטאָרבן. זי איז געבליבן לעבן אין די הערצער פון די פּוילישע פאָלקסמאַסן, פון די פּוילישע פּויערים און דער עיקר פון די פּוילישע פּראָלעטאַריער, וועלכע האָבן איבערגענומען די רעוואָלוציאָנערע ירושה פון די פריִערדיקע דורות און האָבן געפירט אַ קרבנותפולן און בלוטיקן קאַמף קעגן צאַריזם און קאַפּיטאַליזם און פאַר אַ סאָציאַליסטיש פּאָטערלאַנד. אויף זייערע פענער איז געווען אָנגעשריבן דער אייביקער לאָזונג פון די פּוילישע רעוואָלוציאָנערע פּאַטריאָטן „פאַר אונדזער און אייַער פרייַהייט", אַ לאָזונג וואָס האָט כולל געווען אַלע זין פון דער פּוילישער ערד.

דער פאַרראַט מצד דער פּוילישער בורזשואַזיע לגבי דעם קאַמף פאַר דער זעלבשטענדיקייט פון אייגענעם לאַנד איז אַגב נישט געווען קיין פאַראיינצלטע דערשייַנונג. עס איז געווען אין גאַנצן אויף דער רעאַקציאָנערער ליניע פון דער אייראָפּעישער בורזשואַזיע, וואָס האָט געשלאָסן יד־אחת מיטן איבערבלייַב פון פעאָדאַליזם קעגן וואַקסנדיקן כוח פון אַרבעטער־קלאַס. עס האָט פולשטענדיק געשטימט מיט דער פּאָליטיק פון דער פראַנצויזישער בורזשואַזיע, וועלכע האָט דערשטיקט מיט דער הילף פון איר „שונא" ביסמאַרק די קאָמונע פון פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט. עס איז דאַן געווען די געבורטצייַט פון קאַפּיטאַליסטישן אימפּעריאַליזם.

בינו לבינו האָט דער צאַריזם באַמיט זיך צו פאַרניכטן יעדן שפּור פון פּוילישער נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט. פּויליש איז באַזייַטיקט געוואָרן ווי אַן אונטערדריקט־שפּראַך אין די פּוילישע שולן. עס איז אייַנגעפירט געוואָרן אַ סיסטעם פון פולער רוסיפיקאַציע, וואָס דער ווייַטער ציל דערפון האָט געזאָלט זייַן דאָס פולשטענדיקע אַנטפּוילישן דאָס דעראָבערטע לאַנד.

אָבער די פּוילישע פאָלקסמאַסן האָבן, ווי געזאָגט, זיך נישט מיאש געווען פון דער שטרעבונג צו דערגרייכן די באַפרייַונג פון פּאָטערלאַנד. אין געהיימע קרייַזלעך און אונטערערדישע פאַרבאָטענע אָרגאַניזאַציעס האָט זיך די פּוילישע רעוואָלוציאָנערע יוגנט געגרייט צום טאָג ווען עס וועט ווידער אויפגעהויבן ווערן די פאָן פון קאַמף. עס איז די צייַט ווען אין פּוילן איז שוין פאַראַן אַ צאָלרייַכער פּראָלעטאַריאַט. עס קומען אויף די ערשטע אַרבעטער־גרופּעס און אין יאָר 1882 ווערט געבוירן די ערשטע קלאַסן־פּאַרטיי פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס, דער „ערשטער פּראָלעטאַריאַט", וואָס צווישן זייַנע גרינדער געפינט זיך דער ייִד פעליקס קאָן. עס איז אַ היסטאָריש געשעעניש אין לעבן פון פּוילן. צום ערשטן מאָל אַנטשטייט אַ פּאַרטיי וואָס רופט צו רעוואָלוציאָנערער סאָלידאַריטעט צווישן אַלע אַרבעטער פון לאַנד, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט און גלויבן. צום ערשטן מאָל באַקעמפט אָפן דעם אַנטיסעמיטיזם אַ פּוילישע פּאַרטיי. דער „ערשטער פּראָלעטאַריאַט" פירט פּראָפּאַגאַנדע צווישן די ייִדישע אַרבעטער און באַמיט זיך זיי צו געווינען פאַרן פּראָלעטאַרישן קאַמף. ער גיט אַרויס אויפרופן אויך אין ייִדיש, ער באַשיצט דעם ייִדישן אייגנאַרט, אַפילו ווען דער דאָזיקער „אייגנאַרט" איז פאַרבונדן מיט מיטל־עלטערישע געוווינהייטן. דאָס געשעט בעת דעם צאַרישן פאַרבאָט אויף ייִדישער הלבשה. „פּשעםוויט", דער אָרגאַן פון „ערשטן פּראָלעטאַריאַט", שרייַבט דאַן: „הגם די פּיאות אָדער כאַלאַטן זענען אַ פאַנאַטיזם מוז מען אָבער געדענקען אַז די שטראָף פאַר טראָגן די הלבשה טרעפט נישט די קראָנענבערגס, בערסאָנס אָדער אַנדערע ייִדישע מאַגנאַטן, נאָר די אָרעמע ייִדישע מאַסן".

כאָטש דער „ערשטער פּראָלעטאַריאַט" האָט לאַנג נישט געלעבט ווייַל דער צאַרישער פּאָליציי האָט זיך אייַנגעגעבן צו פאַרניכטן מיט דער הילף פון מסירות און פּראָוואָקאַציעס די ערשטע געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציע פון די פּוילישע און ייִדישע אַרבעטער, איז דאָך זייַן אייַנפלוס געבליבן אַ דויערנדיקער.

דעם דאָזיקן אייַנפלוס האָט אַפילו נישט געקענט פאַרניכטן די פּאַרטיי פּעפּעעס (פּפּ"ס), געגרינדעט אין נאָוועמבער 1892, וואָס איר גאַנצע טעטיקייט און איר גאַנצער פּראָגראַם זענען געווען אָנגעזאַפּט — טראָץ איר סאָציאַליסטישן נאָמען — מיט פּוילישן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, און זי איז במילא נישט געווען פרייַ פון אַנטיסעמיטיזם. אַ סך פון די שפּעטערדיקע רעגירער פון פּוילן, אין דער עפּאָכע פון דער פּריצישער זעלבשטענדיקייט, האָבן געשטאַמט פון דער פּעפּעעס.

די ירושה פון „פּראָלעטאַריאַט" האָט איבערגענומען אַן אַנדער פּאַרטיי, די פּאַרטיי סדק"פּ (דערנאָך סדקפּ"ל) — סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קעניגרייך פּוילן (און ליטע) — וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם צוזאַמענגוס פון דעם „פאַרבאַנד פון די פּוילישע אַרבעטער" (געגרינדעט אין 1889 דורך יוליאַן מאַרכלעווסקי און יאַן לעדער) מיט די אויף דער פרייַ געבליבענע רעשטן פון „צווייטן פּראָלעטאַריאַט". די דאָזיקע פּאַרטיי, באַזירט אויף דער לערע פון קאָנסעקווענטן מאַרקסיזם, האָט געזען אין דעם בשותפותדיקן קאַמף פון אַלע אַרבעטער פון פילפעלקערדיקן רוסלאַנד דעם וועג צו דער באַפרייַונג פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס. הגם זי איז באַגאַנגען געוויסע פעלערן, דער עיקר בשייכות מיט דער פראַגע פון דער זעלבשטענדיקייט פון פּוילן, וווּ זי האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע וואָס האָט דווקא געשטאַרקט דעם נאַציאָנאַליזם פון דער פּפּ"ס, האָט די סדקפּ"ל דעם היסטאָרישן פאַרדינסט וואָס זי האָט ווי אַ מאַסן פּאַרטיי געלערנט דעם אַרבעטער־קלאַס פון פּוילן צו קעמפן פאַר זייַן קלאַסן־ציל — דעם סאָציאַליזם. אין אירע רייען האָבן זיך געפונען אַ סך ייִדישע אַרבעטער און אינטעליגענטן. פיל פון זיי האָבן באַצאָלט מיט תפיסה אָדער מיט זייערע לעבנס פאַר זייער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט.

אין דעם לעצטן יאָרצענדליק פון פאָריקן יאָרהונדערט, ווען עס הייבט אָן צו ווירקן די סדקפּ"ל און ווען עס אַנטשטייען די ערשטע ייִדישע פּאָליטישע פּאַרטייען — דער בונד און די ציוניסטן — האָבן שוין די ייִדישע מאַסן פון פּוילן הינטער זיך אַ רייַכע דערפאַרונג פון כמעט גאַנצע הונדערט יאָר געזעלשאַפטלעכע קאַמפן. זייער גייַסטיקער און קולטורעלער ניוואָ איז שוין אַ גאַנץ אַנדערער ווי בייַם אָנהייב פון יאָרהונדערט. עס איז שוין דאָ אַ ייִדישע ליטעראַטור, מיט די קלאַסיקער מענדעלע און שלום עליכם בראש. פּרץ הייבט אָן צו ווירקן אין וואַרשע. ער גיט אַרויס זייַנע „יום־טוב־בלעטלעך" און די ערשטע גרעסערע ווערק. די סאָציאַליסטיש און רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור אין ייִדיש מערט זיך כסדר. אַזעלכע שריפטן ווי דיקשטיינס „פון וואָס איינער לעבט" איבערגעזעצט אויף ייִדיש, האָבן אַ גרויסן אָפּגאַנג און אַ טיפן אייַנפלוס בייַם אַרייַנברענגען אויפקלערונג אין די מוחות פון די ייִדישע אַרבעטער און האָרעפּאַשניקעס.

דער אָנהייב פון הייַנטיקן יאָרהונדערט צייכנט זיך אויס מיט דער גוואַלדיקער אַקטיוויזירונג פון די ייִדישע מאַסן. דער פאַרשאַרפטער קלאַסנקאַמף ווי אַ פּועל־יוצא פון דעם גרויסן פּראָצעס פון אינדוסטריאַליזאַציע, דער כסדרדיקער אומאויפהערלעכער צופלוס פון ביליקע נישט־קוואַליפיצירטע אַרבעטסהענט פון דאָרף האָט אומגעהייַער פאַרגרעסערט דעם אַרבעטער־קלאַס און דער קאַמף פאַר פּוילנס באַפרייַונג און קעגן דער צאַרישער רוסיפיקאַציע־פּאָליטיק האָט פאַרשפּיצט ביז עקסטרעם די געזעלשאַפטלעכע אַנטאַגאָניזמען.

די ייִדישע מאַסן זענען אויפגערודערט געוואָרן ביז די טיפסטע טיפענישן.

עס זענען געווען די קינדעריאָרן פון די ייִדישע פּאָליטישע פּאַרטייען און דער ערב־פּעריאָד פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע.

וואַרשע ווי דער גרעסטער און צאָל ייִדישער צענטער אין מזרח־אייראָפּע — און אין גאַנץ אייראָפּע — האָט מער ווי וועלכע עס איז אַנדער שטאָט אָפּגעשפּיגלט דעם געזעלשאַפטלעכן אויפרודער צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג.

גרויסע טיילן פון דער ייִדישער קליינבירגערלעכער מאַסע, פון דער דאָזיקער מאַסע וואָס האָט דורך איר אָרעמקייט, פּרנסהלאָזיקייט און רירעוודיקייט געגעבן דעם טיפּישן אַספּעקט דער ייִדישער וואַרשע, און וועלכע האָבן געליטן אַלץ מער און מער פון דעם

וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם בײַם פּוילישן קליינבירגערטום, האָבן אָנגעהויבן איבערצונעמען די לאָזונגען פון פּאָליטישן ציוניזם, אַנטלויפן פון גלות און פּטור ווערן אויף אַזאַ אופן פון דער ייִדן־שנאה און פון די רדיפות איז געוואָרן פאַר זיי אַ קאָנקרעטער פּראָגראַם פון דירעקטער לייזונג פון זייערע פּראָבלעמען. זענען זיי אַוועק צו די פאַרשידענע ציוניסטישע פּאַרטייען וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין פאָרמירן. אַנדערע טיילן פון קליינבירגערטום און גרויסע טיילן פון די ייִדישע אַרבעטער האָט געוווּנען דער „בונד". דער פּראָגראַם פון „בונד" פון ייִדישער איזאָלאַציע האָט אין גרונט אויסגעדריקט די פּאַקטישע געטאָ־פאַרהעלטענישן אין דער ריזיקער „טשערטאַ אָסעדלאָסטי" און איז געווען אַ מוראַדיקע שטערונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַן איינהײַטלעכער קלאַסן־אָרגאַניזאַציע פון די ייִדישע און נישט־ייִדישע פּראָלעטאַריער. דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט פון „בונד" איז שטאַרק סטימולירט געוואָרן דורך דער שאָוויניסטישער פּאָליטיק פון פּפּ"ס וואָס האָט פאַר די ייִדישע מאַסן געהאַט צוויי אַלטערנאַטיוון — אַסימילאַציע אָדער איזאָלאַציע.

אָפּגעזונדערט אין דער ייִדישער איזאָלירטקייט האָבן געלעבט די אָרטאָדאָקסישע ייִדן אין וואַרשע. אָרעמע ייִדישע קרעמערס, לופטמענטשן, בעל־מלאכות און אַפילו אַרבעטער האָבן זיך „גײַסטיק" אויסגעלעבט אין בית־מדרש און אין קלויז. די נײַע צײַט האָט געבוירן אויך רעליגיעזע ייִדישע פּאַרטייען — רעאַקציאָנערע און קלעריקאַלע, וואָס האָבן נישט איין מאָל געדינט דירעקט און אָפן דער פּוילישער און צאַרישער רעאַקציע. זייער מאַסנדיקייט האָט זיי נישט איין מאָל דערפירט צו זײַן אַ וויכטיקער — כאָטש מאָמענטאַלער — פּאָליטישער פאַקטאָר בײַ די ייִדן אין פּוילן און בפרט אין וואַרשע. נאָכגיביקע און הכנעהדיקע ביז שפלות לגבי דער מאַכט, זענען זיי געווען ווילד און אומברחמנותדיק לגבי דעם וועלטלעכן קולטור־לעבן און לגבי דער אַרבעטערשאַפט.

אַ פירנדיקע ראָלע אין דער ייִדישער וואַרשע האָבן, ביז 1917, געשפּילט די אַסימילאַטאָרן. אַ קליין הייפעלע אין צאָל האָבן זיי מיט זיך פאָרגעשטעלט די עליטע פון די ייִדישע באַנקירן, גרויסע פאַבריקאַנטן און גרויסע סוחרים. נאָך אין פאָריקן יאָרהונדערט האָט זיך זיי אײַנגעגעבן, אַ דאַנק זייער לײַכטער פאַרבינדונג מיט מלכות, צו פאַרכאַפּן די אָנפירער־פּאָזיציעס אין עטלעכע גרויסע פילאַנטראָפּישע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס און זינט דעמאָלט האָבן זיי באַלעבאַטעוועט אין דער וואַרשעווער קהילה. כאָטש זיי גופא זענען געווען ווײַט פון רעליגיע, און האָבן געפירט זייערע אייגענע קינדער צו שמד, זענען זיי אין געזעלשאַפטלעכן לעבן געווען די טרײַסטע פאַרבינדעטע און אַרויסהעלפער פון דער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע. ערשט דער שטורעם פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין 1917 האָט זיי אַראָפּגעשווענקט פון דער געזעלשאַפטלעכער אייבערפלאַך.

די רעוואָלוציע פון 1905 האָט געטראָפן די ייִדישע באַפעלקערונג אין פולער געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט. דער צאַר, פילנדיק דעם אָנקום פון דער זאַווערוכע, האָט געוואָלט דערשטיקן די רוסישע רעוואָלוציע אין ייִדיש בלוט. אַ פּאָגראָם־כוואַליע האָט זיך צעגאָסן איבערן גאַנצן לאַנד, קעשענעוו איז געוואָרן אַ שם־דבר. אָבער אַנשטאָט איבערצושרעקן די ייִדישע יוגנט, האָבן די פּאָגראָמען דערפירט צו פּונקט דאָס פאַרקערטע. די ייִדישע יוגנט, — אַרבעטער און סטודענטן, — שליסט זיך אָן מאַסנווײַז אין די רייען פון דער רעוואָלוציע. פון דער טיפעניש פון דער ייִדישער מאַסע קומען אויף די העלדישע געשטאַלטן פון הירש לעקערט און ברוך שולמאַן, וועלכע האָבן באַוויזן אַן אומשטערבלעכן מוסטער פון נײַעם ייִדישן העראָיִזם.

וואַרשע, ווי די הויפּטשטאָט פונעם אונטערגעדריקטן לאַנד, האָט געגעבן איר חלק פאַר דער רעוואָלוציע. עס זענען פאָרגעקומען בלוטיקע קאַמפן, גאַסן־דעמאָנסטראַציעס, שטרײַקן און אינדיווידועלע טעראָראַקטן קעגן די פאַרהאַסטע פאָרשטייערס פונעם צאַריזם. אינדיווידועלן טעראָר אויפן ברייטן מאָסשטאַב האָט אָנגעווענדט די פּפּ"ס, בעת די סדקפּ"ל האָט אָרגאַניזירט מאַסן־אַקציעס. און ווי אומעטום האָבן די ייִדישע מאַסן זיך אַקטיוו באַטייליקט און געגעבן זייער בלוטשטײַער. דער ייִדישער בלוט־חלק איז געווען נאָך אַ גרעסערער, ווײַל די רעפּרעסיעס קעגן ייִדן זענען געווען שאַרפערע. די צאַרישע פּאָליציי האָט זיך באַצויגן צו די ייִדישע קוואַרטאַלן מיט אַ באַזונדערער אכזריות. די בלעטער פון דער געשיכטע פון דער ייִדישער וואַרשע האָבן צו פאַרצייכענען אַזעלכע טעג ווי דער „בלוטיקער מיטוואָך" פון 1906, ווען עס זענען אומגעקומען צענדליקער ייִדן.

דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פון 1905 האָט געבראַכט מיט זיך אַ פּעריאָד פון די ווילדסטע רדיפות. נישט בלויז דער צאַר און זײַנע משרתים האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט די באַזיגטע מאַסן, נאָר אויך די בורזשואַזיע און אירע אינטעלעקטועלע און פּאָליטישע פאָרשטייערס זענען אַריבער צו דער אָפענער רעאַקציע. די פּוילישע בורזשואַזיע איז געווען נאָך רעאַקציאָנערער ווי די רוסישע און איר געזעלשאַפטלעכע אידעאָלאָגיע איז געוואָרן דער כוליגאַנישער אַנטיסעמיטיזם. עס שטאַרקט זיך די אָפענע אַנטיסעמיטישע פּאַרטיי די „נאַראָדאָווע (נאַציאָנאַלע) דעמאָקראַטיע" אָדער ענדעציע (ווי מען האָט זי גערופן לויט די ראשי־תיבות נ"ד). עס קומט אויף די פּאָגראָם־אָרגאַניזאַציע „ראָזוואָי" מיט איר לאָזונג „סוואָי דאָ סוואָגאָ" („אַן אייגענער צו אַן אייגענעם"), וואָס האָט געצילט צו דערשטיקן עקאָנאָמיש דאָס ייִדישע קליינבירגערטום. דעם ייִדישן אַרבעטער וואַרפט מען אַרויס פון די גרעסערע אונטערנעמונגען; דער דלות באַזעצט זיך אין די ייִדישע היימען. אין אַזאַ צושטאַנד פון דלות און רדיפות ווערט געבוירן דער עמיגראַציע־פּסיכאָז. ייִדן ווילן אַנטלויפן פון די עקאָנאָמישע צרות און פון פּאָליטישן און אַנטיסעמיטישן טעראָר אין אַנדערע פרײַערע לענדער. מאַסן יונגע ייִדישע מענטשן לאָזן זיך איבערן ים צו די ווײַטע מעבר־לימיקע ברעגן און באַזעצן זיך אין די דעמאָלט אָפענע פאַראייניקטע שטאַטן, אַרגענטינע, ענגלאַנד, אויסטראַליע און דרום־אַפריקע.

אָבער טראָץ דעם אַנטיסעמיטיזם און טראָץ די פּאָליציייִשע רדיפות וואַקסט די ייִדישע וואַרשע. עס איז דאָ אַ ייִדישע פּרעסע און ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס, אַ סך מײַסטערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור שאַפן אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט און די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג הייבט אָן צו קומען צו זיך נאָכן קלאַפּ פון דעם דורכפאַל פון 1905.

דער דאָזיקער וווּקס ווערט פּלוצלינג איבערגעריסן. דער אימפּעריאַליסטישער וועלטקריג פון 1914—1918 שטעלט אָפּ דאָס שעפערישע און פרידלעכע לעבן פון דעם גרעסטן ייִדישן ייִשוב אין אייראָפּע.

פון דעם בלוטיקן מבול האָבן אַלע פעלקער געליטן, אָבער באַזונדערס בלוטיק איז ער געווען פאַר די ייִדן פון פּוילן און רוסלאַנד. פּאָגראָמען, ראַבונקעס, צעשיסונגען, באַשולדיקונגען אין שפּיאָנאַזש, אַרויסשיקונגען פון גאַנצע ייִשובים — דאָס איז געווען דער גורל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין די מלחמה־געביטן.

וואַרשע איז געוואָרן אַן עיר־מקלט פאַר טויזנטער און טויזנטער ייִדישע משפחות — פּליטים פון אַנדערע שטעט און שטעטלעך, פון וואַנען מען האָט זיי פאַרטריבן אָדער זיי זענען אַליין אַנטלאָפן. אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אָן אַן אויסקוק צו פאַרדינען אויף חיונה, זענען זיי אָנגעקומען צו קיצבה, צו בעטלברויט, צו פילאַנטראָפּישער הילף. אין די ייִדישע קעלערס און בוידעמשטיבער איז ענגער געוואָרן. דלות איז געכפּלט געוואָרן אויף הונגער. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין אַלגעמיין האָט זיך אָפּגעשטעלט, די גאַנצע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין די ערשטע מלחמה־חדשים האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דער הילף פאַר די היימלאָזע.

אָבער נישט לאַנג איז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן געווען אָפּגעשטעלט. דער מלחמה־גרויל האָט נישט פּאַראַליזירט די ייִדישע קולטור־טעטיקייט. אין סאַמע מיטן פון קאָשמאַר האָט געשאַפן דער אומשטערבלעכער קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור יצחק לייבוש פּרץ. ער האָט נישט בלויז געשריבן. צוזאַמען מיט זײַן פרײַנד דינעזאָן האָט זיך פּרץ אָפּגעגעבן מיט שאַפן היימען פאַרן ייִדישן פאַרוואָרלאָזטן קינד, פאַרן מלחמה־יתום. די ערשטע וועלטלעכע שולן אין וואַרשע זענען טאַקע אַנטשטאַנען בײַ דער אַקטיווער מיטהילף פון גרויסן שרײַבער.

באַזונדער טרויעריק פאַר די וואַרשעווער ייִדן זענען געווען די טעג ווען די צאַרישע אַרמיי האָט געהאַלטן בײַם פאַרלאָזן די שטאָט. דער צאַרישער הויפּט־קאָמאַנדיר, דער כוליגאַנישער אַנטיסעמיט און רעאַקציאָנער ניקאָלײַ ניקאָלאַיעוויטש האָט פאַראָרדנט ראַבירונגען און צעשיסונגען וואָס האָבן געקאָסט הונדערטער קרבנות.

אומברחמנותדיק האָט זיך באַצויגן די דײַטשע אָקופּאַציע־

מאַכט צו דער ציווילער באַפעלקערונג אין פּוילן. דער שטרענגער מיליטערישער רעזשים און דאָס כאַפּן און אַרויסשיקן אויף צוואַנגאַרבעט די אַרבעטס־פעיִקע מענער און פרויען האָבן פאַרביטערט דאָס לעבן פון די מענטשן. די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט איז נישט גערן געדולדעט געוואָרן, כאָטש די דײַטשן האָבן זיך באַמיט דווקא צו געווינען די סימפּאַטיע פון די פּאָליאַקן און פון די יִדן. אַזוי צב”ש האָט לודענדאָרף אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן אויפרוף צו „זיינע ליבע פּוילישע יִדן”, אין וועלכן ער האָט צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן. פאַרשטייט זיך אַז אַ טייל יִדן האָט זיך געלאָזט פאַנגען פון די אילוזיעס מכוח דער „העכערקייט” פון דער דײַטשער קולטור. דײַטשלאַנד האָט דאָך פאָרט געשמט מיט אירע טעכנישע און ציוויליזאַטאָרישע אויפטוען און די דײַטשע יִדן זענען דאָך געווען גלייך־באַרעכטיקט. געוויסע יִדן האָבן, דער עיקר געהאָפט אַז דאָס קעניג־קײַזערליכע דײַטשלאַנד וועט אָפּשאַפן די שענדלעכע אַנטי־יִדישע באַגרענעצונגען און די יִדישע רעכטלאָזיקייט און וועט אַ סוף מאַכן צו די פּאָגראָמען פון דעם פאַרהאַסטן צאַריזם. אגב זענען נישט בלויז יִדן אַרײַנגעפאַלן אין דער נעץ פון דײַטשע צוזאָגן. אויך טיילן פון פּוילישן פאָלק, געוויסע פּוילישע פּאַרטייען, ווי פּפּ”ס מיט פּילסודסקין בראש, האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָריענטירן אויף אַ דײַטשן מיליטערישן זיג. פּילסודסקי און זיינע לעגיאָנערן האָבן אַ קורצע צײַט מיטגעאַרבעט מיט די דײַטשן.

אין יִדישן פּוילן, איבער הויפּט אין וואַרשע, איז די דײַטשע אָקופּאַציע געווען אַ פּעריאָד פון אַרבעטלאָזיקייט און גרויליקן הונגער. אויך די פּלאָג פון דעמאָראַליזאַציע און שמוגלערײַ האָט נישט אויסגעמיטן די יִדן.

אַ סך אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זענען עוואַקויִרט געוואָרן צוזאַמען מיט דער רוסישער אַרמיי. די פאַבריקן און וואַרשטאַטן וואָס זענען געבליבן זענען אָפּגעשניטן געוואָרן פון זייער שטאָף־באַזאָרגונג און פון זייער רוסישן אָפּזאַצמאַרק. איז דער איינציקער אויסוועג פאַר דער אַרבעטער־יוגנט, כּדי נישט צו שטאַרבן פון הונגער, געווען דאָס פאָרן אויף האַלבער אָדער גאַנצער שקלאַפן־אַרבעט אין די דײַטשע אַמוניציע־פאַבריקן. די מיטליאָריקע אַרבעטער און די אַרבעטנדיקע פרויען זענען אַוועק אַרבעטן בײַ די אָקאָפּעס. פון דעסט וועגן האָט דאָס אַלץ ווייניק וואָס געלינדערט דעם הונגער און די נויט. צוויי נײַע „מיסחר”־צווײַגן זענען אויפגעקומען, זייער „אייגנאַרטיקע” פאַר דער הונגעריקער וואַרשע: דאָס אויפקויפן די שאָלן פון די אָפּגעשיילטע קאַרטאָפל און דאָס פאַרקויפן „הייסע בובעלעך”. אַלץ אָפטער האָט מען געהערט איבער די הייף דאָס באַקאַנטע אויסגעשריי: „שאָלן קויפעך”.

באַזונדערס געהונגערט האָבן די משפּחות פון די רעזערוויסטן וואָס זענען אַוועק מיט דער רוסישער אַרמיי. די דאָזיקע משפּחות, געבליבענע אין וואַרשע, האָבן געמוזט אָנקומען צו בעטלערײַ.

דער אַרבעטער־קלאַס האָט די נײַע פאַזע אין פּאָליטישן לעבן אויפגענומען קעמפעריש. נאָכן אַרײַנמאַרש פון דער דײַטשער אַרמיי האָבן זיך אין פאַרשידענע שטאָטטיילן געעפנט פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ביבליאָטעקן, קלובן, לייענזאַלן, קאָאָפּעראַטיוועס און אַרבעטער־קיכן. דאָס אַלץ, מיט גרויסע שילדן אויף דער גאַס אַרויס, האָט אָנגעזאָגט דעם אָקופּאַנט און דער באַפעלקערונג אַז די אומלעגאַלקייט פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס איז אַוועק צוזאַמען מיטן צאַריזם. פאָרזיכטיק, נישט גלייבנדיק דעם פרײַהייט־געבנדיקן דײַטשן יונקערטום, האָבן די פּאָליטישע פּאַרטייען וואָס האָבן געווירקט צווישן די אַרבעטער אָנגעהויבן זייער אַקטיוויטעט שטילערהייט, און האָבן אויסגעמיטן אויסצושטעלן זייערע אָנפירערשאַפט און מאַסיוון אויף געפאַר.

דאָס יִדישע קולטור־לעבן האָט אַ שפּאַר געטאָן מיט אַן אומגעוויינלעכער קראַפט. עס קומען דעמאָלט אויף דראַמאַטישע קרײַזן, כאָרן, ליטעראַרישע גרופּעס, צײַטונגען און העקטאָגראַפירטע אויסגאַבעס. אין „כינקע־פינקע”־טעאַטער קומט פאָר אַן איבערבראָך. אין 1916 גרינדעט זיך די עפּאָכע־מאַכנדיקע „ווילנער טרופּע”. די יִדישע אַרבעטער־מאַסן דערשפּירן דעם אָנקומענדיקן פרילינג.

און לאַנג האָט טאַקע דער דאָזיקער פרילינג נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטן. גאָר אין גיכן איז די מלחמה־פינצטערניש דורכגעריסן געוואָרן דורכן ריזיקן ליכט וואָס איז געקומען פון רוסלאַנד. שטאַרקער ווי דאָס דונערן פון די האַרמאַטן האָט זיך דורכגעטראָגן איבער דער וועלט די פריידיקע בשורה וועגן די געשעענישן וואָס זענען פאָרגעקומען אין צאַרנלאַנד, ווּ דער צאַר האָט געמוזט אַבדיקירן און עס זענען ווידער טעטיק געווען די ראַטן פון אַרבעטער, פּויערים און סאָלדאַטן, פּונקט ווי אין 1905 נאָר אין אַ ריזיקן מאָסשטאַב. מיט פריידיקן גלויבן אין דעם ענדגילטיקן נצחון איבער דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע האָבן די אַרבעטער־מאַסן פון אומעטום אויפגענומען דעם פאַקט וואָס די פּאַרטיי, וועלכע שטיצט זיך אויף דער וויסנשאַפטלעכער לערע פון מאַרקס און ענגעלס, האָט אָנגעהויבן צו געווינען אַלץ מער השפּעה בײַם פאָלק. און גרעסער איז געווען די פרייד ווען די דאָזיקע פּאַרטיי האָט אין נאָוועמבער 1917 איבערגענומען די מאַכט אין ריזיקן לאַנד און איז צוגעטראָטן אויפצובויען די קלאַסנלאָזע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

מיט אומבאַגרענעצטן ענטוזיאַזם האָבן די יִדישע מאַסן אין וואַרשע אויפגענומען די נײַעס פון דער רוסישער רעוואָלוציע, אין וועלכער זיי האָבן געזען די פאַרווירקלעכונג פון די שטרעבונגען און טרוימען פון דורות יִדישע סאָציאַליסטישע קעמפערס. די יִדישע אָרעמקייט און דער עיקר די יִדישע אַרבעטער און די אינטעליגענץ האָבן מאַסנווײַז זיך אַ קער געטאָן צו דער פּאָליטישער ריכטונג וואָס האָט זיך סאָלידאַריזירט מיט די קעמפנדיקע פעלקער פון גרויסן רוסלאַנד.

דערווײַל איז צעקלאַפּט געוואָרן די מיליטערישע מאַכט פון קייזערלעכן דײַטשלאַנד, עס איז אויסגעבראָכן די דײַטשע רעוואָלוציע, דער קייזער איז אַנטלאָפן און עס איז געבוירן געוואָרן די וויימאַר־רעפּובליק. אויך איז אונטערגעגאַנגען די עסטרײַכישע מאָנאַרכיע פון די האַבסבורגן. דאָס פּוילישע פאָלק האָט באַקומען די מעגלעכקייט אויפצושטעלן זײַן זעלבשטענדיקע מלוכה.

אָבער די מאַכט אין דעם נײַעם פּוילן האָבן איבערגענומען די פּריצים און גרויסע קאַפּיטאַליסטן און זיי האָבן אײַנגעשטעלט אַ רעזשים פון עקספּלואַטאַציע, נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, אַנטיסעמיטיזם און רדיפות קעגן דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג. פּוילן איז געוואָרן די ערשטע פאַשיסטישע מלוכה אויף דער וועלט.

דערצו האָט זיך די פּוילישע גענעראַלן מיט פּילסודסקין און רידז־סמיגלין בראש פאַרוואָלט אַ מיליטערישע אַוואַנטורע און זיי האָבן פאַרפירט אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערן קריג קעגן דער ראַטן־מלוכה, ד”ה קעגן דער מלוכה וועלכער זיי האָבן געהאַט צו פאַרדאַנקען די זעלבשטענדיקייט פון אייגענעם פאָטערלאַנד. עס האָט זיך זיי געחלומט אַ פּוילן „פון ים ביז ים” — פון באַלטישן ביזן שוואַרצן ים — וואָס זאָל פאַרשטייט זיך אײַנשליסן אוקראַיִנע. אין דער ערשטער צײַט פון די מלחמה־אָפּעראַציעס, ווען דער פּוילישער אַרמיי איז, מחמת דער מיליטערישער שוואַכקייט פון דער יונגער סאָוועטישער מלוכה, געלונגען צו אַוואַנסירן איבער דער אוקראַיִנישער ערד, האָט זיך איבער גאַנץ פּוילן צעבושעוועט אַ ווילדער שאָוויניזם און אַנטיסעמיטיזם. עס איז געוואָרן אַ געיעג נאָכן „זשידאָקאָמונאַ”, יעדער יִיד איז געווען אַ „באָלשעוויק”, יִדישע סטראַגאַנעס און קוישלעך מיט בייגל אין וואַרשע זענען געפלויגן אין די רינשטאָקן, יִדישע בערד זענען געריסן געוואָרן און אַ סך יִדן האָבן באַצאָלט מיט זייערע לעבנס. נאָך שאַרפער איז געוואָרן די אַנטי־יִדישע העצע — און גלײַכצײַטיק נאָך ווילדער דאָס געיעג קעגן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער — ווען די פּוילישע חיילות האָבן דערפילט די שווערע האַנט פון דער רויטער אַרמיי, האָבן אָנגעהויבן ליידן איין מפּלה נאָך דער צווייטער און זענען צוריק געלאָפן ביז די סאַמע טויערן פון וואַרשע, ווּ עס האָט זיך אײַנגעגעבן דעם פּוילישן גענעראַל־שטאַב אָפּצושלאָגן די סאָוועטישע אָפענסיווע און אָנצוהייבן אַ קאָנטראַטאַק וואָס האָט דערמעגלעכט דעם פּריצישן פּוילן צו פאַרכאַפּן היפּשע טיילן פון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד, די אַזוי גערופענע „קרעסן”. אין יענער צײַט פון מאַרש הין און צוריק פון דער פּוילישער אַרמיי זענען מאַסן־צעשיסונגען פון יִדן צוליב כלומרשטן שפּיאָנאַזש געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע זאַך.

סוף כּל סוף האָט זיך סטאַביליזירט אַ פּוילישע פּריצישע מלוכה וואָס האָט איבערגענומען די ערגסטע טראַדיציעס פון צאַריזם. מיליאָנען אוקראַיִנער, ווײַסרוסן, יִדן, ליטווינער און אַנדערע מינדערהייטן, וואָס האָבן באַטראָפן איבער אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג פון לאַנד, האָבן געהאַט אויסצושטיין זינלאָזע

און אומבהמנותדיקע פאַרפאָלגונגען. זיי זענען באַרויבט געוואָרן פון זייערע עלעמענטאַרע רעכט אויף מלוכה־שולן אין דער מוטער־שפּראַך און אויף דער אַנטוויקלונג פון זייערע נאַציאָנאַלע קולטורן. ייִדן, וואָס זייער צאָל אין גאַנץ פּוילן האָט איבערגעשטיגן די דרײַ מיליאָן (10 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג), האָבן אָנגעהויבן צו ליידן פון אַן אַנטיסעמיטיזם וואָס איז אין געוויסע אַספּעקטן געווען ערגער ווי דער צאַרישער אַנטיסעמיטיזם. הגם געזעצלעך זענען זיי געווען גלײַך־באַרעכטיקט, האָבן זיי אויף טריט און שריט געהאַט אויסצושטיין פּורעניות און נגישות. אין די אוניווערסיטעטן — וואָס זענען כלומרשט געווען פרײַ פאַר אַלעמען — האָט לגבי ייִדן געהערשט אַ פּאַקטישער נומערוס קלאַוזוס, אויף מלוכה־פּאָסטנס און אין די עטאַטיזירטע (פאַרמלוכהשטע) פאַבריקן האָט מען קיין ייִדן נישט אָנגענומען. עס איז אַפילו דערגאַנגען צו טראַגישע עקסצעסן אין גאַנצן לאַנד ווען דער „בונד" האָט זיך [illegible] אין וואַרשע האָט ער אויסגעקעמפט אַ ייִדישן [illegible].

די פּוילישע מלוכה האָט אָנגעהויבן איר עקסיסטענץ מיט עקסצעסן קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג, מיט שנײַדן בערד, צעשיטונגען, מיט שמײַסן אומשולדיקע ייִדן, מיט אַ פּאָגראָם אין פּינסק. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען דער פינצטערער דלות וואָס האָט זיך אָנגעוואָרפן אויף די ייִדישע מאַסן און האָט מיט זײַן גרויל איבערגעשטיגן די לאַגע בײַם צאַריזם. איבערגײַענדיק מיטן ראַטן־פאַרבאַנד האָט פּוילן פאַרלוירן דעם ריזיקן מאַרק פאַר אירע טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען פון לאָדזש און ביאַליסטאָק און פאַר אַנדערע פּראָדוקטן פון איר אינדוסטריע. במילא זענען אַרבעטלאָזיקייט און [illegible] געוואָרן אַ כראָנישע דערשײַנונג. אַחוץ דעם האָט די שאָוויניסטישע און [illegible] פּאָליטיק פון די פּוילישע רעגירונגען געפאָדערט אַן אָנגעשוואָלענעם בודזשעט פאַר מיליטער און פּאָליציי, וואָס דאָס האָט דערפירט די לאַסט פון שטײַערן צו אומדערטרעגלעכע גרענעצן. די ייִדישע קליינבירגערלעכע באַפעלקערונג, די קרעמערס, די האַנטווערקערס און די כאַלופּניקעס האָבן באַזונדער שווער געליטן פון דער פּוילישער שטײַער־פּאָליטיק, וועלכע איז טרויעריק באַרימט געוואָרן אין די צײַטן פון פינאַנץ־מיניסטער וולאַדיסלאַוו גראַבסקי, ווען עס איז געוואָרן אַ שם־דבר דער וואָגן אויף וועלכן מלוכה־באַאַמטע פלעגן אַרויספירן די קאָנפיסקירטע זאַכן פאַר נישט־באַצאָלטע שטײַערן — די באַרימטע גראַבסקיס „עגלה". עס האָבן אויך געליטן דער אַרבעטער און דער פּויער, די וויכטיקסטע קליִענטן פון דעם ייִדישן קליינעם קרעמער. גרויסע טיילן פון פאָלק האָבן אָנגעהויבן צו ליידן הונגער. אָרעמקייט און אַ מוראַדיק נידעריקער לעבנס־סטאַנדאַרט זענען געוואָרן דער גרונט־סימן פון דער פּוילישער עקאָנאָמיק.

די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע האָט דערפירט צו אַ טיפער פערמענטירונג אין לאַנד. די רעוואָלוציאָנערע שטימונג בײַ די מאַסן, בײַ וועלכע עס זענען פריש געווען די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, האָט כסדר געשטיגן. עס איז געוואַקסן דער כוח פון דער קפ"פ (קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין פּוילן). שטרײַקן, בונטן, אויפשטאַנדן זענען געוואָרן אָפטע דערשײַנונגען.

די רעגירונג, וואָס האָט זיך קיין עצה נישט געקענט געבן מיט דער עקאָנאָמישער לאַגע, איז אָבער געווען זייער רירעוודיק בײַם באַקעמפן די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז דערקלערט געוואָרן אומלעגאַל, די געריכטן האָבן אָנגעהויבן צו טיילן פיליאַריקע תפיסה־טערמינען פאַר אומלעגאַלער פּאָליטישער טעטיקייט, און וואָס אַ יאָר זענען שאַרפער געוואָרן די פּאָליציייִשע און געריכטלעכע רעפּרעסיעס. אין די דרײַסיקער יאָרן זענען תפיסה־שטראָפן שוין געווען נישט גענוג — די סאַנאַציע־געריכטן האָבן געשיקט אַ סך אַרבעטער־טוער אויף דער תליה. די רדיפות האָבן אָבער נישט געקענט ראַטעווען די פּאָליטישע סטאַביליטעט. די פּוילישע רעגירונגען האָבן זיך כסדר געביטן, מחמת קיין איינע האָט נישט געקענט לייזן די פּראָבלעמען פון לאַנד. דער ערשטער לעגאַל־דערוויילטער פּרעזידענט, גאַבריעל נאַרוטאָוויטש, וואָס האָט גע־הערט צו דער ליבעראַלער בורזשואַזיע און האָט געהאַט בדעה אײַנ־צופירן אַ פּראָגרעסיווערן קורס בנוגע די וויכטיקסטע פּראַגעס פון דער מלוכה, איז דערמאָרדעט געוואָרן (אין 1922). לסוף האָט פּילסודסקי זיך פאַרמאָסטן צו לייזן די קריטישע סיטואַציע מיט דער הילף פון אַן אָפן פאַשיסטישן שטאַטסקלאַפּ (אין 1926). דאָס לאַנד איז אָבער געווען אַזוי צעטרייסלט עקאָנאָמיש און פּאָליטיש,

אַז אַפילו פּילסודסקיס פאַשיסטישע מעטאָדן האָבן נישט געקענט אָפּשטעלן די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע צערודערונג. אײנעם בירגערלעכן לאַגער גופא האָט פּילסודסקי געהאַט אויסצושטיין אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע און עס האָבן נישט געהאָלפן די טעראָר־מיטלען פון דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע כדי אָפּצושטעלן דעם אויפבראָז אין לאַנד.

בײַ אַזאַ לאַגע פון פערמאַנענטן עקאָנאָמישן קריזיס און פּאָליטישער צערודערונג איז דאָס לעבן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג געווען ממש טראַגיש, בפרט אַז די אַנטי־ייִדישע פּאָליטיק פון דער רעגירונג איז אין די דרײַסיקער יאָרן, נאָכן איבערנעמען די מאַכט דורך היטלערן אין דײַטשלאַנד, נאָך שאַרפער געוואָרן. דער פּוילישער אַנטיסעמיטיזם איז אַריבער צו אָפענע פּאָגראָמען. טרויעריק באַרימט זענען געוואָרן די 2 שטעטעלעך פּשיטיק און בריסק, ווו עס איז פאָרגעקומען דאָס וואָס עס איז געשען אין קעשענעוו מיט דרײַ יאָר־צענדליק פריִער. די פאַראָרעמטע ייִדישע באַפעלקערונג איז דערפירט געוואָרן צו די גרענעצן פון פאַרצווייפלונג, וואָרעם אַפילו די עווענטועלע אימיגראַציע־לענדער מעבר לים זענען געווען געשלאָסן פאַר ייִדישע עמיגראַנטן און אויך קיין ארץ־ישראל האָט די ענגלישע רעגירונג נישט אַרײַנגעלאָזט.

אין אַ געדריקטער שטימונג האָבן די ייִדן זיך דערנענטערט צו סעפּטעמבער 1939, ווען דער היטלעריסטישער מחבל האָט אָנגעהויבן זײַן אויסראָטמאַרש קעגן די פרײַע פעלקער פון אייראָפּע.

אין די צוואַנציק יאָר פון דעם זעלבשטענדיקן פריִצישן פּוילן האָבן די ייִדישע מאַסן געהאַט צו פאַרצייכענען גרויסע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אויפטוען. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און בכלל די געשעענישן נאָכן ערשטן וועלטקריג האָבן דערוועקט אַ געוואַלדיקן אַפּעטיט צו ברייטע קולטור־פאַרמעסטן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ייִדישע קולטור־באַוועגונג וואָס איר גלײַכן איז שווער צו געפינען אין דער ייִדישער געשיכטע. עס איז אַנטשטאַנען אַ נעץ פון ייִדיש־וועלטלעכע שולן, עס האָט זיך אַנטוויקלט טראָץ דער פאַשיסטישער צענזור אַ פּרעסע־וועזן, און עס זענען דערשינען צענדליקער ייִדישע טאָגצײַטונגען און פּעריאָדישע אויסגאַבעס. די ייִדישע פאַרלאַגן האָבן אַרויסגעגעבן הונדערטער ביכער און די ייִדישע ליטעראַטור איז באַרײַכערט געוואָרן מיט נײַע טאַלאַנטן. די בעסטע ווערק פון דער וועלט־ליטעראַטור און וועלט־וויסנשאַפט — די שאַפונגען פון האָמער, שעקספּיר, אַריסטאָטעלעס, מאַרקס, ניוטאָן, אײַנשטיין און אַנדערע — זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף ייִדיש. איבער גאַנץ פּוילן זענען אַנטשטאַנען ביבליאָטעקן, קלובן, דראַמקרײַזן, טעאַטערס, כאָרן, אָרקעסטערס, אַ לאַנד־קענטעניש־געזעלשאַפט, פאָלקס־אוניווערסיטעטן — און אַלץ אין ייִדיש. לעקטאָרן האָבן באַרײַזט דאָס לאַנד און דערגרייכט מיט זייערע רעפעראַטן ביז די ווײַטסטע שטעטלעך. די קולטור־יוירונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַפילו אין די ווײַטע אַמעריקאַנער לענדער האָט מען געפילט איר ווירקונג.

ייִדישע פּאַרטייען אין פריִצישן פּוילן האָבן געקעמפט פאַר זייער אײַנפלוס אויף די מאַסן. די ציוניסטן, וואָס זענען געווען גע־שפּאָלטן אין אַ סך גרופּעס, האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה אויפן ייִדישן קליין־ און מיטל־בירגערטום און אויף טיילן פון דער אינ־טעליגענץ. זיי האָבן אויסגעבויט אַ העברעיִשע שולנעץ („תרבות" און „תחכמוני") און אַ חלוץ־אָרגאַניזאַציע מיט הכשרות כדי צוצו־גרייטן יוגנטלעכע צו דער עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל. אַ סך טויזנטער בחורים און מיידלעך און אויך עלטערע זענען טאַקע אַנט־לאָפן פון דער נויט און פון אַנטיסעמיטיזם קיין פּאַלעסטינע, ווו זיי האָבן זיך פאַרוואָרצלט ווי דער מאַסן־קערן פון דעם איצטיקן ישוב. דער „בונד" האָט זײַן הויפּט־כוח געהאַט צווישן גרויסע טיילן פון ייִדישע אַרבעטער און אָרעמע האַנטווערקערס. הגם אײ־נערלעך איז ער געווען צעטיילט אויף צוויי פראַקציעס (אַ „לינקע" און אַ רעכטע) איז ער אין אַלע גרונטפראַגעס מיטגעגאַנגען מיט דער שאָוויניסטישער און אַנטיסעמיטישער פּפּעס. אין די לעצטע יאָרן פאַר 1939 האָט דער „בונד" זיך געשטאַרקט אויפן חשבון פון די ציוניסטן, אַזוי ווײַט אַז ער האָט געוווּנען די וואַלן אין די גרעסערע קהילות.

אַ שוואַרצער כוח אויף דער ייִדישער גאַס זענען געווען די „אגודה" און דער ציוניסטישער „מזרחי". די „אגודה" האָט געהאַט איר אָנשפּאַר בײַ די צענדליקער טויזנטער חסידים פון אַלערלײ

רבייִשע דינאַסטיעס. זי האָט מיטגעאַרבעט אָפן מיט אַלע פּויליש־פאַשיסטישע רעגירונגען, דער עיקר זינט פּילסודסקיס צײַטן, און די פּוילישע רעגירונגען האָבן גערן אָנגענומען איר מיטאַרבעט, מחמת זי איז געווען אַ געהאָרכזאַמער רעאַקציאָנערער כוח צווישן ייִדן. די אגודה האָט ביטער באַקעמפט יעדן סימן פון פּראָגרעס, יעדע שטרעבונג צו וועלטלעכקייט. אירע קולטור־פּאָזיציעס זענען געווען די מיטל־עלטערלעכע חדרים, די ישיבות מיט דער לובלינער ישיבה בראש, די מקוואות און די רבייִשע הייף.

אָנהייב די צוואַנציקער יאָרן האָט געהאַט אַ השפּעה אויף די ייִדישע האַנטווערקער די פאָלקספּאַרטיי, וואָס אירע פירערס זענען געווען די באַקאַנטע שרײַבער נח פּרילוצקי און הערש דוויד נאָמבערג. שפּעטער איז די דאָזיקע פּאַרטיי כמעט פאַרשוווּנדן.

די רעוואָלוציאָנערע ייִדישע אַרבעטער זענען געגאַנגען מיט זייער קלאַסן־פּאַרטיי, די קפּ״פּ. הגם די דאָזיקע פּאַרטיי, וואָס איז געבוירן געוואָרן פון דעם צונויפגאָס פון דער סדקפּ״ל מיט דער פּעפּעס־לעוויצאַ און האָט איבערגענומען אַלע הערלעכע טראַדיציעס און די פּרעכטיקע העראָיִשע ירושה פון די רעוואָלוציאָנערע פּוילישע באַוועגונגען פון די פריִערדיקע צײַטן, איז געווען אומלעגאַל אין פאַשיסטישן פּוילן און די פּאָליציי האָט זי שווידערלעך פאַרפאָלגט, האָט זי געפונען די וועגן ווי אַזוי צוצוקומען צום באַוווּסטזיין און צו די הערצער פון הונדערטער טויזנטער ייִדישע פּראָלעטאַריער און אַרבעטסמענטשן. איר אײַנפלוס אויף דער ייִדישער פאָלקסמאַסע איז געווען אַ באַדײַטנדיקער און בעת וואַלן פלעגט זי אין די ייִדישע געגנטן באַקומען אַ גרויסע צאָל שטימען. אַ סך טויזנטער ייִדן האָבן באַצאָלט מיט יאָרן תפיסה פאַר זייער אָנגעהעריקייט צו דער קפּ״פּ, און צווישן די העלדישע מאַרטירער וואָס האָבן געגעבן זייערע לעבנס פאַר אַ סאָציאַליסטיש פּוילן גלאַנצן אַרויס די נעמען פון באָטווין, ענגעל און אַנדערע, וואָס האָבן זיך מיט זייער בלוט פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון פּוילנס באַפרײַונג.

וואַרשע, וואָס איר ייִדישע באַפעלקערונג האָט האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איבערגעשטיגן די 300 טויזנט (איבער 30 פּראָצענט פון דער אײַנוווינערשאַפט), האָט בײַגעטראָגן איר ריזיקן חלק צו דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכער און פּאָליטישער באַוועגונג אין לאַנד. די וויכטיקסטע ייִדישע צײַטונגען, די גרעסטע פאַרלאַגן, די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די פּאַרטייען, די גרעסטע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַראיינען און זייערע צענטראַלעס, די צענטראַלעס פון די שולן, די באַדײַטנדיקסטע ייִדישע שרײַבער, די אָנגעזעענסטע לעקטאָרן, די גרויסע טעאַטערס האָבן זיך געפונען אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט, וואָס איז גלײַכצײַטיק געווען דער גרעסטער ייִדישער צענטער אין אייראָפּע.

אַז וואַרשע איז געווען ווירדיק צו זײַן אַ פירנדיקע שטאָט בײַ ייִדן, האָבן באַוויזן די שפּעטערדיקע טראַגישע געשעענישן, ווען דער אַרצמערדער היטלער האָט זיך פאַרמאָסטן זי צו פאַרטיליקן. די גלאָריע פון וואַרשע פון אַפּריל 1943 איז אויך די גלאָריע פון אַלע ייִדן פון דער גאַנצער וועלט.

* * *

אין אַ וואַרשעווער הויף (פאָטאָ ר. ווישניאַק)

ע. נ. פרענק

די מלחמה קעגן „הפקרות” אין דער אַמאָליקער וואַרשע

א.

פינצטער, גליטשיק און דער שמש יאָגט. — יִדן וווינען אין ענגע בנינים אויף ענגע שמוציקע, נישט־ברוקירטע געסלעך. — „פּאַטשעיִוו”. — רדיפות און אָרעמקייט זײַנען די סיבה פון ענגקייט און שמוץ. — אין די געסלעך פילן זיך יִדן ווי אין דער היים. — יִדישע חברות, מנינים, ספרי־תורה, קדוש־לבנה און חופּות. — „קול יעקב” ווערט פונאַנדערגעגאָסן איבער די גאַסן פון וואַרשע. — אַן אָפּצאָל דעם אָפּיציאַל פאַר תפילות און יִדישע שמחות. — די אָפּגעהיטקייט פון עבירות. — אויסערהאַלב די יִדישע געסלעך. — דעם שמשס שמירה אויף די בעטן און געפּעס. — צעהאַקט, צעבראַכן און געשלאָגן. — דער שמש אַלס שפּיאָן. — די אימה פאַרן שמש. — אַנקלאַגעס העלפן נישט. — דער געהיימער קהל. — דער גלות פון איין בלאָטע אין אַן אַנדערער, גרעסערער בלאָטע. — די גזירה אויף דירות. — צעזייט און צעשפּרייט. — די שמשים פאַרלירן זייער אָפּיציעלן אַמט און זייער גרויסע שליטה. — עפּעס ווערט קאַליע. — די „פרעמדע פראַגע”. — דער „טאָגצעטל” דאַרף בטל ווערן און קיין וואַרשעווער יִיד איז זיך וועגן דעם נישט משתדל. — די השתלות פון פּוילישן אַדל און גרויסע באַאַמטע וועגן יִדן. — אַ כרוז פון קהל און בית־דין וועגן באַהעלפער. — אמתע שרעקלעכע הפקרות. — קהל איז אָפּהענטיק און דער יִדישער המון רעאַגירט.

שרייבנדיק וועגן יידן אין אַמאָליקן וואַרשע איז אונדז כמעט אוממעגלעך נישט צו געבן אַלס הקדמה די קורצע און זייער שאַרפזיניקע ווערטער וועלכע מיר האָבן שוין געבראַכט אויף אַן אַנדער אָרט (1), אין נאָמען פון אַ פאַרצייטיקן יידישן משכיל וואָס האָט כאַראַקטעריזירט דאָס דעמאָלטדיקע יידישע לעבן אין וואַרשע מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

„פינצטער, גליטשיק און... דער שמש יאָגט”.
קיין בעסערע כאַראַקטעריסטיק קאָן נישט זיין.

פינצטער און גליטשיק איז געווען דאָס יידישע לעבן אין וואַרשע. רדיפות פון דרויסן, דוחק אינעווייניק, ביי יעדן נישט־פאָרזיכטיקן שריט פון אַ ייד איז ער געפאַלן אין תפיסה אַריין, האָט פאַרלוירן זיין ביסל האָרעוואַניע, זיין געזונט, און דערצו נאָך האָבן די שמשים גערודפט, אַכטונג געגעבן אויף יעדן טריט און שריט פון איטלעכן ייד, ער זאָל אָפּהיטן אַלע דינים און מינהגים און זאָל, חלילה, נישט עובר זיין אויף עפּעס אַ דין.

ענדע דעם 18טן און אָנהייב דעם 19טן יאָרהונדערט האָבן יידן אין וואַרשע געוואוינט אין ענגע בנינים, וואָס זענען געשטאַנען צווישן נאָוואָ־סענאַטאָרסקאַ און סענאַטאָרסקאַ (2), און אויך אין פאַרשידענע קליינע, ענגע, שמוציקע, נישט־ברוקירטע געסלעך, וועלכע האָבן זיך געצויגן פון סענאַטאָרסקאַ, אויף דעם אָרט וואו עס געפינט זיך היינט די גאַס ביעלאַנסקאַ, רעכטס, לינקס, און ווידער רעכטס און לינקס, און האָבן געטראָגן פאַרשידענע נעמען: זשידאָווסקאַ, קלאָפּאָצקאַ, טלאָמאַצקאַ, ביבליאָטעשנאַ אאַ״וו. (3).

היות יידן האָבן דעמאָלט אין אַנדערע ערטער אין וואַרשע נישט געטאָרט וואוינען און די גרויסע אָרעמקייט וואָס האָט געהערשט צווישן יידן אין פּוילן האָט זיי געשטויסן דווקא אין דער דאָזיקער שטאָט, וואו, כאָטש עס איז זיי אויסגעקומען אויסצושטיין זייער פיל רדיפות, האָט מען דאָך אין איר געקאָנט עפּעס פאַרדינען, האָבן אין יעדער דירה געמוזט וואוינען צו עטלעכע פאַמיליעס און ממילא איז אין די יידישע וואוינונגען געווען זייער ענג און אויך זייער שמוציק.

אין אָט די געסלעך האָבן זיך יידן געפילט, טראָץ אַלע רדיפות, ווי טאַקע ביי זיך אין דער היים. אין די הייזלעך, וואָס זענען געווען אַרומגעצוימט מיט הויכע, הילצערנע פּאַרקאַנעס, האָבן זיי זיך געגרינדעט פאַרשידענע חברות, ווי: חברה תהילים, חברה משניות און אויך „חברה ש״ס”, „שומרים לבוקר”, „הכנסת כלה”, „הכנסת אורחים”, „בקור חולים”, „מעוז לדל”, „גמילות חסד” און — ועל כולם — „חברה קדישא”. און יעדע חברה האָט זיך געהאַט איר מנין, און יעדער ייד וואָס האָט עפּעס אַביסל מער פאַרדינט האָט זיך געלאָזט שרייבן אַ ספר־תורה, און דאָס ספר־תורה איז אַריינגעפירט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד, מיט כלי־זמרים און געזאַנג אין איינעם פון די שולעכלעך. מען האָט מקדש לבנה געווען אויף דער גאַס פראַנק און פריי בקול רם, מען האָט חתונה געמאַכט קינדער און חתן־כלה האָט מען געפירט מיט כלי־זמרים צו דער חופּה איבער די געסלעך ביז פאַר דער שול פון דעם מנין צו וועלכן דער מחותן האָט געהערט. און די קולות פון די יידישע תפילות, פון יידישע זמירות, פון תהילים, משניות און גמרא, פון יידישע נגונים, האָבן זיך פונאַנדערגעגאָסן איבער די גאַסן פון וואַרשע, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געקעמפּט הונדערטער יאָרן קעגן דעם יידישן יישוב אין שטאָט, און זיי זענען אויך אָנגעקומען אין די קלויסטערס און נישט איין מאָל זיך פאַרמישט מיט די מאָנאָטאָנע קלאַנגען פון די גלאָקן. כדי די קאַטוילישע גייסטלעכע זאָלן נישט העצן דעם המון קעגן יידן, ווייל זיי דערלויבן זיך אַזוי אָפן צו „פאַרשוועכן” די שטאָט, און אויך כדי זיי, די גייסטלעכע, זאָלן מיט זייער אייגענעם כח דאָס נישט פאַרווערן, האָבן יידן אין געוויסע צייטן אַריינגעטראָגן דעם אָפּיציאַל געוויסע סומעס געלט, און דערנאָך איז עס געוואָרן ווי אַ געזעץ אַז יעדע שול און יעדער ייד וואָס האָט חתונה געמאַכט אַ קינד, אָדער געמאַכט אַן אַנדער שמחה, האָט געמוזט אַריינטראָגן דעם אָפּיציאַל אַ געוויסע סומע, און כדי יידן זאָלן נישט קאָנען מעלים זיין דעם דאָזיקן אָפּצאָל האָט דער אָפּיציאַל אים איבערגעגעבן אַ יידן אין אַרענדע (4).

אין פלוג דאַכט זיך אַז אין אַזאַ אַטמאָספער האָט אַ שמש מינד נישט געהאַט צו טון ווי אָפּצוהיטן די שול און דעם בית־דין. וואָרעם וואוינענדיק אַזוי ענג געפּאַקט, וואו יעדע באַוועגונג, יעדער ריר פון יעדן איינציקן, איז באַלד באַוואוסט געוואָרן אַלע איינוואוינער, האָט זיך דאָך יעדער ייד געמוזט אַליין היטן, ער זאָל, חס ושלום נישט טון קיין שום עבירה, ער זאָל, חלילה, נישט עובר זיין אויף קיין שום דין, כדי ער זאָל נישט זיין צו שאַנד און צו שפּאָט. אויסערהאַלב די יידישע געסלעך האָט זיך כמעט קיין שום ייד נישט געקאָנט ווייזן, וואָרעם דאָרט איז ער זייער אָפט באַפאַלן געוואָרן פון יינגערע און עלטערע קריסטן וועלכע האָבן אים געשלאָגן מכות רצח (5), און אַ פּשיטא אַז אַ ייד האָט נישט געקאָנט קומען אויף קיין פאַרוויילונגס־אָרט. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז

---

1) העברעיִש, כרך ב׳ פטרוגרד, תרעה.

2) אויף דעם אָרט וווּ עס געפינט זיך איצט דאָס גרויסע טעאַטער אין וואַרשע איז דעמאָלט געווען דער ערשטער פּאַטשעיִוו, וווּ יִדן האָבן געהאַנדלט מיט אַלטוואַרג. די קראָמען זײַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן פון אַ פּאַלאַץ פון אַ געוויסער פּוילישער פאַמיליע מיטן נאָמען פּאַטשעי און אויף איר נאָמען איז ער גערופן געוואָרן פּאַטשעיִוו. פון דעמאָלט אָן ווערט גערופן יעדער הויף אין וואַרשע וווּ יִדן פאַרקויפן אַלטוואַרג מיטן נאָמען „פּאַטשעיִוו”.

3) די דאָזיקע נעמען ווערן געברויכט אין דעם דעקרעט פון דעם זאַקסישן קעניג פון 16טן מאַרץ 1809. פון די אַלע געסלעך איז איבערגעבליבן נאָר איינס, טלאָמאַצקע, וווּ, ווי אויף אַ זכר אַז דאָרט איז געווען אַ יִדישער ישוב ווען יִדן האָבן אַנדערשוווּ אין וואַרשע ניט געטאָרט וווינען, האָט זיך שפּעטער געפונען די גרעסטע יִדישע סינאַגאָגע אין דער שטאָט.

4) הויפּטאַרכיוו אין וואַרשע, מאַגיסטראַטאַקטן 503/484. זע: ע. נ. פרענק „העירונים והיהודים בפולין” וואַרשע 1921, זײַט 86.

5) זע: ע. נ. פרענק, דאָרט זײַטן 72, 78.

דווקא די שרעקלעכע ענגקייט וואָס האָט געהערשט אין די יידישע געסלעך האָט מיטגעבראַכט די נויטווענדיקייט פון דעם שמשס שמירה אויף דער זיטלעכקייט און אויף כשרות.

זייער ענג איז געווען אין די יידישע דירות. עטלעכע פאַמיליעס מיט קינדער צוזאַמען האָבן געוואוינט אין איין צימערל און דער שמש האָט געמוזט האָבן השגחה אַז יעדע פּאָר בעטן פון איטלעכן פּאָר־פּאָלק זאָל זיין אָפּגעצוימט מיט עפּעס אַ מחיצה, אַ שפּאַניש ווענטל, אַ ליילעך, אַ פּאָר ברעטלעך און אויך אַז די בעטן פון יעדן פּאָר־פּאָלק זאָלן זיין אָפּגערוקט איינס פון אַנדערן, ווי דער דין איז.

אין דער גרויסער ענגשאַפט איז אויך שווער געווען צו האָבן באַזונדערע שענקלעך אויף פליישיק געפעס און באַזונדערע אויף מילכיק געפעס, און דאָס האָט דאָך לייכט געקאָנט גורם זיין צו טרפות, צונויפמישן מילכיקע מיט פליישיקע כלים, און מען האָט געמוזט האָבן השגחה אַז אַזעלכע באַזונדערע שענקלעך זאָלן זיך יאָ געפונען אין יעדער שטוב.

און דער שמש האָט טאַקע השגחה געגעבן אויף יעדער שטוב, אויף יעדן ווינקעלע. אומגעריכט, אומגעזען, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ שטוב ,בודק געווען, געפאָרשט, געפרעגט, — און וויי צו דער יידענע וואָס האָט נישט געהאַט באַזונדערע ערטער אויף מילכיקס און פליישיקס! און וויי צו דעם פּאָר־פּאָלק וואָס האָט נישט געהאַט קיין מחיצה צווישן די בעטן, אָדער וואָס האָט אַריינגענומען אַ פרעמדן ייד און אַרום זיין בעט קיין מחיצה נישט געמאַכט! דער שמש האָט געהאַקט, צעבראָכן און פיל מאָל אויך געשלאָגן פרויען און מענער (6).

און די שמשים זענען געגאַנגען נישט מיט זייער אייגענעם כוח, אָדער בלויז מיט דעם כוח פון בית־דין. זיי זענען געקומען מיטן כוח פון דער מאַכט. נאָך אין יאָר 1770 האָט דער מאַרשאַלעק ליובאָמירסקי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז דער שמש פון דעם שתדלן (אָפיציעל האָט די וואַרשעווער קהילה קיין רב נישט געטאָרט האָבן, נאָר אַ שתדלן) מוז גלייכצייטיק שפּיאָנירן די יידישע גנבים (7). אין די שפּעטערע יאָרן, ווען די צאָל יידן אין וואַרשע איז גרעסער געוואָרן און ממילא האָבן זיך אויך די שמשים געמערט, זענען זיי אויך מחויב געווען צו זיין ביים באַשטימען די שטייערן פון יידן און אויפצוגעבן דעם נאָמען פון יעדן ייד און דעם צושטאַנד פון זיין פאַרמעגן. דער שמש איז אַלזאָ אַריינגעקומען אין יעדער יידישער שטוב אַלס אָפיציעלער שפּיאָן און אויך אַלס באַאַמטער. ער האָט דאָך כלומרשט געמוזט וויסן צי דאָרט האַלטן זיך נישט אויף קיין גנבים און וואָסערע געשעפטן עס ווערן דאָרט געפירט. און מורא האָבן האָט מען דאָך געמוזט פאַר אים. ער האָט געקאָנט מעלדן דער מאַכט אַז דאָרט און דאָרט האַלטן זיך אויף פאַרדעכטיקע מענטשן, און באַלד זענען די יידן אַרעסטירט און געפייניקט געוואָרן. אויפן בעסטן פאַל האָט ער געקאָנט אויפגעבן אַז די און די זענען זייער פאַרמעגלעך און קאָנען צאָלן גרויסע שטייערן. עס זענען אפילו געגאַנגען אָנקלאַגעס צו דער מאַכט פון פאַרשידענע יידן אויף דער אויפפירונג פון די שמשים, דאָס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. וואַרשיינלעך האָט זיך דער געהיימער קהל שוין געסטאַרעט וועגן דעם.

די טעטיקייט פון די שמשים האָט אָבער געמוזט מיט דער צייט איבערגעריסן ווערן.

לויט די דעקרעטן פון דעם זאַקסישן קעניג (1809), וועלכער האָט געהערשט איבער דעם וואַרשעווער הערצאָגטום (1807-1814), זענען יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן פון יענע בלאָטיקע געסלעך און זענען איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ גרעסערער בלאָטע, אויף די גאַסן קרולעווסקאַ און מאַרשאַלקאָווסקאַ, וועלכע זענען אין יענע צייטן געווען כמעט פּוסט, וויסט און נאָר וואו נישט וואו האָט זיך געפונען אַ הייפל מיט עטלעכע בנינימלעך, אין וועלכע יידן האָבן זיך געמוזט באַזעצן.

---

6) די געהיימע אָנקלאַגע פון הירש דאַווידאָוויטש צו דער פּאָליציי (8טער מײַ 1805, אַקטן פון דער פּאָליציי 809. אַרכיוו פון אַלטע אַקטן אין וואַרשע).

7) פון אַ רעפעראַט וואָס דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט און די צעכן האָבן דערלאַנגט דער פּרײַסישער מאַכט אין יאָר 1801 (הויפּטאַרכיוו אין וואַרשע, 1125).

די דאָזיקע הייפלעך האָבן אָבער נישט געקלעקט. לויט דעם קעניגלעכן דעקרעט פון 6טן מאַרץ 1809 האָט געמעגט וואוינען אין אַ הייזקע וואָס האָט 2-3 צימערן נאָר איין פאַמיליע, 4-5 צימערן — צוויי פאַמיליעס, 6-7 צימערן — דריי פאַמיליעס אאַ"וו (8). יידן האָבן זיך אַלזאָ פאַרשפּרייט אין די זייטיקע גאַסן — דזשעלנאַ, באַגנאָ, גזשיבאָוו, גזשיבאָווסקאַ, פּאַנסקאַ, און זייענדיק צעזייט און צעשפּרייט האָט ממילא איינער דעם צווייטן נישט געקאָנט קאָנטראָלירן און אויך די שמשים האָבן קיין גרויסע שליטה נישט געקאָנט האָבן. זייער אָפיציעלן אַמט פון שפּיאָנען האָבן זיי פאַרלוירן אין דער צייט פון דעם וואַרשעווער הערצאָגטום, און יידן, וואָס האָבן געוואוינט כמעט יעדע פאַמיליע אין אַ באַזונדער הייזקע, האָבן גאַנץ דרייסט געקאָנט נישט אַריינלאָזן צו זיך דעם שמש.

ווי עס האָט דעמאָלט אויסגעזען דאָס אינערלעכע יידישע לעבן אין וואַרשע קאָנען מיר נישט וויסן פון די קוועלן וואָס מיר האָבן פאַר זיך. איין זאַך איז אונדז אָבער קלאָר: אַז עס האָט עפּעס געמוזט קאַליע ווערן אין די אַמאָליקע ריינע זיטן, און די וואַרשעווער יידן האָבן אַל דאָס בייז צוגעשריבן די פרעמדע וואָס קומען אָן פון דער פּראָווינץ, און ווייל קיינער קען זיי נישט, דערלויבן זיי זיך צו טון מעשים אשר לא יעשו. און מיר זעען טאַקע אַז אפילו די גרעסטע שתדלנים פון יידן אין וואַרשע האָבן זיך קיין מאָל נישט משתדל געווען אין יענער צייט מבטל צו מאַכן די גזירה פון „טאָגצעטל" וואָס יעדער ייד וועלכער איז אָנגעקומען פון דער פּראָווינץ קיין וואַרשע האָט געמוזט אויסקויפן פאַר פינף זילבער־גראָשן — (איין זילבער־גראָשן — 7½ קופּער־גראָשן אָדער 3¾ קאָפּיקעס) אויף 14 טעג, כאָטש לויט דער קאָנסטיטוציע פון וואַרשעווער הערצאָגטום און אויך לויטן דעקרעט פון קעניג (פון 10טן פעברואַר 1809) און דעם באַשלוס פון סיים (פון 24טן מאַרץ 1809) האָט דער דאָזיקער אָפּצאָל באַדאַרפט בטל ווערן. עס האָבן זיך וועגן דעם משתדל געווען יידן פון דער פּראָווינץ, גרויסע לייט פון פּוילישן אדל און אויך גרויסע באַאַמטע וועלכע האָבן באַדאַרפט גוויסע יידן אין וואַרשע, אָבער נישט די וואַרשעווער יידישע שתדלנים, כאָטש זיי האָבן גוט געוואוסט אַז די וואַרשעווער מוניציפּאַליטעט, וועלכע צווינגט יידן אויסצוקויפן דעם „טאָגצעטל", איז עובר אויף אַ בפירושן דעקרעט פון קעניג און אויף אַ באַשלוס פון סיים.

קהל מיטן בית־דין צוזאַמען האָבן אין יענע צייטן (1810) אַרויסגעגעבן אַ כרוז אַז קיין שום ייד זאָל זיך נישט דערוועגן אָנצונעמען אַ בעלפער אָדער לערער אַ בחור וואָס זאָל לערנען מיט זיינע קינדער, סיי יינגלעך, סיי מיידלעך, פאַררופנדיק זיך אויף דעם מאמר פון דער גמרא: ולא ילמד רוק סופרים (אַ בחור טאָר נישט לערנען מיט קינדער), ווייל דאָס ברענגט צו אויסגעלאַסנקייט. נאָך היות די שליטה פון די שמשים האָט זיך שוין געהאַט געענדיקט, האָט מען זייער ווייניק זיך געמאַכט פון דעם כרוז און קהל האָט געמוזט עטלעכע מאָל באַנייען דעם כרוז מיט שאַרפערע אזהרות (קיין חרם איז נישט דערלויבט געווען אַרויסצוגעבן).

עס האָט זיך אויך דעמאָלט אַריינגעכאַפּט צווישן יידן אמתע, שרעקלעכע הפקרות פון וועלכער יידן אין פּוילן בכלל און אין וואַרשע בפרט זענען ביז יענע צייטן ריין געווען (9) — נעמלעך: עס האָבן זיך געפונען צווישן יידן אויסוואָורפן וועלכע האָבן געעפנט אויסגעלאַסענע הייזער.

וועגן די דאָזיקע הייזער האָט זיך קהל געווענדט (דעם 20טן אַפּריל 1814) צו דער פּאָליציי־פּראָוואַלטונג מיט אַ בקשה, זיי צו פאַרמאַכן. קהל האָט אָבער באַקומען אַ תשובה (20טן מיי 1814) אַז די פּאָליציי־פּראָוואַלטונג איז מסכים צו שליסן די דאָזיקע הייזער, נאָר מיטן באַדינג, אַז קהל זאָל פריער אויסגעפינען אַ מיטל אַז די אויסגעלאַסענע פרויען זאָלן קאָנען און מוזן זיך דערנערן פון ערלעכן פאַרדינסט און ערלעכער אַרבעט (10). קהל האָט זיך אָבער נישט געקאָנט פאַרנעמען מיט די דערמאָנטע פרויען, און נאָר צוליב דער שטעלונג פון יידישן המון האָבן די שאַנדהייזער געמוזט געשלאָסן ווערן, אָדער איבערגעטראָגן ווערן ווייט פון יידישע גאַסן (11).

---

8) דאָס גאַנצע איבערטראָגן יידן אויף קרולעווסקע און מאַרשאַלקאָווסקע האָט געהאַט דעם צוועק צו פאַרבויען יענע געגנט. דערנאָך, ווען די גאַסן זײַנען דורך יידן פאַרבויט געוואָרן, זײַנען זיי ווידער איבערגעטראָגן געוואָרן אין אַן אַנדערער וויסטער געגנט, אויף פראַנציסקאַנער און נאַלעווקעס (אויפן באַפעל פון קייזער אַלעקסאַנדער דעם ערשטן פון 19טן יוני 1821. איבערגעטראָגן זײַנען זיי געוואָרן אין יאָר 1824).

9) זע ע. נ. פרענק, „לתולדות היהודים בנסיכות וורשה", „התקופה" ספר רביעי, וורשה, תרע"ט, ז' 47.

10) צווישן אַלע פאַרוואָרפן וואָס שונאי ישראל אין פּוילן האָבן געמאַכט יידן געפינען מיר נישט קיין איינעם וועגן אויסגעלאַסנקייט.

11) פּאָליציי־אַקטן, 1084, אַרכיוו אַלטע אַקטן אין וואַרשע.

ב.

אן ממשלה פון שמש. — א נײַע ממשלה מיט א נײַער קאנסטיטוציע. — השתדלותן וואס האבן זיך נישט אײַנגעגעבן. — מיליטער־דינסט. — א גזירה וועגן א נײַעם גלות. — אין א נײַער בלאטע ארײַן. — נישטא קיין מוט צום קאמף קעגן הפקרות. — יידן פארבויען און באזעצן די פראנצישקאנער גאס. — דאס שטרענגע רעליגיעזע לעבן. — ווידער ענג, שמוציק, חברות און מנינים, שולן און בתי־מדרשים. — מען זיצט און מען לערנט. — דער שמש וועקט פאר־טאג. — איינער ארויס, דער צווייטער ארײַן. — ענג, שמוציק, דומפיק. — די בלאטעס טריקענען נישט. — ריחות. — קלעצער אויפן הויף. — א רעטונג פון שטיקעניש. — דער שמש יאגט. — ווידער באקומט דער שמש זײַן מאכט. — מען האט מורא. — דאס לעבן טוט דאס זײַניקע. — א ווינטעלע א מחיה. — דער „פלאץ בראני" מיט גראז, בלומען און א וועלדל. — וואסער מיט א גן־עדן־טעם. — גערטנער מיט פארווײַלונגען און געטראנקען. — מען כאפט זיך ארויס פון דער גאס. — די שמשים זײַנען מקים־פסק און דראען נאך דערצו. — „חברה" גיט זיך אן עצה. — עס טאנצן בחורים מיט מיידלעך. — דער רב ווענדט זיך צו דער מאכט. — די שמשים מיט מיליציאנטן מאכן אבלאוועס אויף טענץ. — די יידישע יוגנט בארויקט זיך. — דער שמש הערשט אומעטום.

גענוג לאנג איז געווען די ווארשעווער יידישע קהילה אן דער ממשלה פון דעם שמש. עס האט אויפגעהערט צו עקסיסטירן דאס ווארשעווער הערצאגטום און עס איז אנגעקומען א נייע ממשלה מיט א נייער קאנסטיטוציע — די ממשלה פון די רוסן און די קאנסטיטוציע פון אלעקסאנדער דעם ערשטן. קהל איז באשעפטיקט געווען מיט השתדלותן וועגן פרייהייט, וועלכע האבן זיך נישט איינגעגעבן, און דערנאך — מיט נייע השתדלותן קעגן נייע גזירות, וועלכע האבן זיך אויך נישט איינגעגעבן. א ביסל שפעטער (1817) האט מען זיך געמוזט משתדל זיין וועגן מבטל מאכן די גזירה פון מיליטער־דינסט פאר יידן, און דאס האט זיך אפילו יא איינגעגעבן, נאר ביני־לביני איז אנגעקומען די גזירה פון א נייעם גלות. קוים וואס יידן האבן זיך א ביסל אויפגעבויט און איינגעארדנט אויף קרולעווסקא און מארשאלקאווסקא, האט מען אנגעהויבן שמועסן אז באלד וועט מען זיי פון דארט ארויסטרייבן. זיי האבן שוין דארט געהאט זייערע מנינים, זייערע שולן. אויף מארשאלקאווסקא האבן זיי שוין אויך געהאט איינגעארדנט א הקדש, אדער א שפיטאל, אין א הויז אויף וועלכן די גבאים אביגדור גרוימאן, מאיר הירשלס און רפאל בערס האבן באקומען א ספעציעלע דערלויבעניש צו קויפן, און פלוצלינג גייט פארלאזט דאס אלץ און גייט אין נייע בלאטעס אריין! אלע מינים השתדלותן האבן אבער נישט געפועלט און יידן האבן זיך געמוזט איבערטראגן אויף פראנצישקאנער גאס (1824), דארט זיך ווידער אנהייבן בויען און איינארדנען, ווידער זיך געפינען ערטער אויף שילן און מנינים. ביני־לביני איז קהל געווען באשעפטיקט און נישט געהאט דעם מוט צו קעמפן קעגן דער „הפקרות" וואס האט זיך פארשפרייט צווישן דעם יידישן המון.

נישט לאנג האט אבער דאס איינארדנען געדויערט. אין פארלויף פון די דריי יאר וואס עס האט געדויערט צווישן ארויסגעבן דעם באפעל וועגן דעם גירוש פון קרולעווסקא און מארשאלקאווסקא און איבערגעטראגן זיך אויף פראנצישקאנער האבן רייכערע יידן דארט געקויפט פלעצער און געבויט הייזער, אדער זיי האבן געקויפט הילצערנע הייזקעס (קיין פארטיקע געמויערטע הייזער האבן יידן נישט געטארט קויפן אפילו אויף דער גאס וואס איז אנגעוויזן געווארן צום וואוינען). די אלטע, קליינע הייזקעס וואס האבן זיך געפונען אויף דער גאס און האבן אנגעהערט צו קריסטן זענען אויך איבערגעגעבן געווארן אויסשליסלעך צו יידן (12).

און איצט ערשט האט זיך אויף ס'ניי אנגעהויבן דאס שטרענגע רעליגיעזע לעבן צווישן יידן. די הייזער און הייזקעס זענען געווען פול געפאקט מיט יידן. ווידער האבן געוואוינט צו עטלעכע פאמיליעס אין איין שטוב (אויפן דעקרעט פון 1809 וועגן דער צאל פאמיליעס אין די דירות האט מען שוין קיין אכט נישט געלייגט). ווידער האבן אויפגעלעבט פיל פארשידענע חברות און מנינים, שילן און בתי־מדרשים. בחורים, יונגע־לייט און אויך עלטערע מענטשן זענען געזעסן טאג און נאכט און געלערנט. סוחרים, בעלי־מלאכות, גאסן־הענדלער, מעקלערס, וואס זענען געווען גאנצע טעג באשעפטיקט, פארהארעוועט, פארמאטערט, האבן בין מנחה למעריב און פאר טאג געלערנט אין מנין, אדער אין בית המדרש, גמרא, משניות, עין יעקב, מדרש, געזאגט תהילים וואס איינער האט געקענט אליין, אדער מיט א רבין, אדער געהערט א דרשה פון א מגיד. און קיינער, אויסער ווער עס איז געווען קראנק אדער פאררייזט, האט נישט געטארט פעלן אין זיין מנין בעת דעם לערנען און בפרט בעת תפילה־בציבור. כדי די פארמאטערטע מענטשן זאלן נישט פארשלאפן האט יעדן פארטאג דער שמש פון יעדן מנין געשטעלט זיך אויפן הויף וואו זיינע בעלי־בתים האבן געוואוינט און גערופן הויך יעדן ביים נאמען, כדי אים אויפצואוועקן פון שלאף. איין שמש פון איין מנין איז ארויס פון הויף און א צווייטער פון א צווייטן מנין איז אריין און ווידער גערופן בקול רם די נעמען פון זיינע בעלי־בתים. יא גערן, נישט גערן, האט זיך יעדער ייד אויפגעכאפט פון שלאף און איז געגאנגען אין מנין. קיינער האט זיך דאך נישט געוואלט קאמפראמיטירן אין די אויגן פון די שכנים, פון זיינע מנין־לייט. קיינער האט דאך נישט געוואלט גילטן פאר א קל, פאר א נישט־פרומען.

און ענג איז געווען, און שמוציק איז געווען, און שרעקלעך דומפיק איז געווען אין די יידישע גאסן. עס איז דאך דעמאלט נאך נישט געווען קיין קאנאליזאציע און וואסער־לייטונג. עס איז אפילו קיין ברוק אויף די הייף נישט געווען. די בלאטעס זענען געווען שרעקלעך גרויס און טיף, אזוי אז אפילו זומער זענען זיי נישט אין גאנצן אויסגעטריקנט געווארן. ווינטער און אין א רעגן־וועטער איז מען שיר נישט דערטרונקען געווארן און מען האט געמוזט לייגן קלעצער און ברעטער אויף די הייף כדי מען זאל קענען אריבערגיין פון איין ארט אויפן אנדערן. מען קאן זיך דעריבער פארשטעלן וואס פאר א לופט דארט איז געווען, וואס פאר א ריחות עס האבן זיך דארט געפילט.

זומערצייט אוונט און נאך מער שבת ,ווען אויך די סוחרטעס זענען געווען פריי, זענען זיך אויף די קלעצער וואס זענען געווען אויסגעלייגט אויפן הויף געזעסן פרויען און מיידלעך מיט קינדער, זוכנדיק א רעטונג פון דער שטיקעניש וואס האט געהערשט אין שטוב. ווען־נישט־ווען האט זיך אויך אוועקגעזעצט א מאנצביל, א בעל־מלאכה, א געזעל, אדער א לערניונג פון א בעל־מלאכה, א משרת פון א געוועלב. נאר דא איז אבער ארויסגעטראטן דער שמש וועלכער האט די מאנסלייט פאריאגט אין שיל, בית־מדרש, אדער מנין.

דער שמש פון קהל און בית־דין האט בכלל צוריקבאקומען זיין מאכט. ער האט ווידער באזוכט די יידישע וואוינונגען און געמאכט ארדענונג מיט די בעטן און מיט מילכיק און פליישיק געפעס, מיטן שטעלן טשאלענטער פרייטיק צו דער צייט, מיטן אויפהערן האנדלען און ארבעטן פרייטיק, כדי מען זאל, חלילה, צו קיין חלול שבת נישט קומען, און זומערצייט ביי די קלעצער — עס זאלן חס ושלום נישט זיצן מאנצבילן מיט פרויען צוזאמען. און דעם שמש האט מען זיך נישט אנטקעגנגעשטעלט. מען האט מורא געהאט פאר קהל, וועלכער האט געהאט די מאכט פון איינטיילן די שטייערן וואס יידן האבן געצאלט. מען האט געציטערט פאר איינשרייבן אין פנקס פון חברה קדישא. מען האט זיך אויך נישט געוואלט קאמפראמיטירן אין מנין, וועלכער האט געקאנט אויפהערן צו געבן עליות און אנדערע כבודים.

דאס לעבן האט אבער געטון דאס זייניקע. ענג, שרעקלעך דומפיק און שטיקנדיק איז געווען די לופט אין דער יידישער גאס און נישט איין מאל האט א ווינטעלע געווייעט פון גאר נישט ווייט און געבראכט אויף א רגע א שמעקנדיקן ריח פון וואלד, גראז, בלומען. א מחיה! און בשבתים און ימים טובים זומערצייט, ווען די טעג זענען גרעסער און דער עולם איז פריי פון באשעפטיקונג, פון ארבעט, האט מען זיך נישט געקאנט באהערשן און מען האט זיך אויף דער גאס ארויסגעכאפט. מען האט פארגעסן אן תהילים, פרק, משניות, עין־יעקב, דרשות און אויך אן די חרפות, וואס עס וועט אויסקומען צו לײדן, און ווי מיט א מאגנעט איז מען געשלעפט געווארן דארט אהין פון וואנען דאס שמעקנדיקע לופטל איז אויף א ווײלע אנגעקומען. און ווייט האט מען נישט געדארפט גיין. דארט, הינטערן מוראנאוו, האט זיך ווייט, געצויגן דער „פלאץ בראני", וואס איז געווען באדעקט מיט גראז און בלומען. דארט איז אויך געווען א וועלדל וואו מען האט זיך געקאנט שיצן פון די ברענענדיקע זונשטראלן. רעכטס, דארט וואו עס גייט די ליניע פון דער קאוולער אייזנבאן, האט זיך אויך געפונען א קוואל וואס זיין וואסער האט געהאט א טעם גן־עדן. נישט ווייט פון דארט זענען געווען גערטנער וואו עס **זענען פארגעקומען פארשידענע פארווײלונגען און עס זענען פארקויפט געווארן פארשידענע געטראנקען.**

עס האבן זיך אלזא אהין ארויסגעכאפט משרתים, געזעלן פון בעלי־מלאכות, פארשידענע „מופקרים", דינסטמיידלעך, בעלי־

---

12) ארכיוו פון ווארשעווער גמינע, רעליגיעזע פראגעס.

מלאכהטעם אד"גל. און אַז מען איז ארויסגעקומען אויף דער פריי, האָט זיך שוין צוגעטשעפּעט אַ בחור צו אַ מיידל און מען איז געגאַנגען צוזאַמען, שפּאַצירט צוזאַמען, געטראָגן טאַשנטיכלעך און אַנדערע זאַכן.

די שמשים זענען דאָן ארויסגעטרעטן זייער ענערגיש קעגן דער „הפקרות". זיי זענען זייער אָפט באַפאַלן די שפּאַצירנדיקע און זיי אויפן אָרט מקיים פסק געווען: געשלאָגן, געקיילט־געביילט, און די וואָס זיי האָבן געקאָנט האָבן זיי געשראָקן מיט „איינשרייבן אין פנקס". זיי וועלן דאָך אַ מאָל מוזן אָנקומען צו קהל — וועט קהל געדענקען.

„חברה" האָט זיך אָבער אַן עצה געגעבן. זיי האָבן נישט שפּאַצירט אויפן פּלאַץ, אין וועלדל, נאָר זיי האָבן זיך געוויילט אין די גערטנער וועלכע האָבן געהערט צו קריסטן, און ווייל זיי זענען געווען הינטער דער שטאָט, זענען זיי נאָר זונטיק און אין קריסטלעכע חגאות באַזוכט געוואָרן פון קריסטן, און שבתים און יידישע ימים־טובים זענען זיי געווען כמעט ליידיק (13).

דאָרט האָבן שוין די שמשים קיין שליטה נישט געהאַט. צו קריסטן אין די גערטנער האָבן זיי שוין נישט געקענט קומען, און די „מופקרים" האָבן דאָרט טאַקע געטון וואָס זיי האָבן זיך געוואָלט, געטאַנצט בחורים מיט מיידלעך, געטרונקען און באַצאָלט אום שבת און יום־טוב.

עס האָט זיך אָבער קעגן דעם אויך געפונען אַן עצה. יידן האָבן קעגן אַזעלכע זאַכן תמיד זיך געקאָנט העלפן. וואו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קאַמף קעגן הפקרות האָבן יידן נישט געקאַרגט קיין געלט ,און זיי האָבן דאָס זייעריקע אויסגעפירט.

דעם 3טן אויגוסט 1827 האָט דער וואַרשעווער רב ר' שלמה זלמן ליפּשיץ (בעל „חמדות שלמה") זיך געווענדט צו דער מוניציפּאַליטעט־מאַכט מיט אַ ביטע אין וועלכער ער שרייבט אַז די לעצטע צייט האָט די יידישע יוגנט אָנגעהויבן זיך דערלויבן שבתים און ימים־טובים צו פאַרברענגען די צייט מיט פּוסטע זאַכן,, ווי טענץ און אַנדערע פאַרוויילונגען אין גערטנער און שענקהייזער, אַנשטאָט וואָס לויט די דינים פון יידישן דת איז יעדער ייד מחויב צו זיצן אין שיל, לערנען און דאַווענען, און היות ווער עס פירט זיך נישט אויף לויט זיין גלויבן און ווער עס פאַרנעמט זיך מיט אומווערדיקע זאַכן קאָן קיין גוטער און געטרייער בירגער נישט זיין, בעט ער די מוניציפּאַליטעט־מאַכט, זי זאָל אָננעמען מיטלען דאָס צו שטערן. ער, דער רב, פון זיין זייט איז גרייט ארויסצושיקן שמשים וועלכע זאָלן נישט דערלאָזן קיין פּריצות און הפקרות צווישן יידן. ער בעט אָבער אַז די מוניציפּאַליטעט־מאַכט זאָל געבן מיליציאַנטן צו הילף די שמשים.

דעם 8טן אויגוסט איז ארויסגעשיקט געוואָרן דעם רב אַן ענטפער אַז די מוניציפּאַליטעט־מאַכט איז גרייט צו דערפילן דעם רבס בקשה און עס ווערט ארויסגעגעבן אַ באַפעל דער מיליציע, זי זאָל געבן הילף די שמשים וואָס וועלן האָבן אַ באַפולמעכטיקונג פון רב. (14).

פון דעמאָלט אָן האָבן די שמשים באַקומען אַ קראַפט ווי אַן אמתע מאַכט און יעדן שבת און יום־טוב האָבן זיי אין דער באַגלייטונג פון מיליציאַנטן געמאַכט אַבלאַוועס אין די גערטנער אויף דער יידישער יוגנט, שלאָגנדיק מכות־רצח די יידישע יינגלעך וואָס זיי האָבן דאָרט געטראָפן.

די יידישע יוגנט האָט זיך אַלזאָ געמוזט „באַרואיקן", זי האָט זיך נישט געקאָנט ארויסרירן פון דער יידישער גאַס, און שבתים און ימים־טובים האָט זי געמוזט פאַרברענגען אין די מינינים.

דער שמש האָט דאָן געהערשט איבער די יידן נישט נאָר אין די יידישע הייזער און הויף, נאָר שוין אויך אין די קריסטלעכע גערטנער און שענקהייזער אויסערהאַלב דער שטאָט, און פון אונטער זיין שליטה האָט מען זיך נישט געקאָנט ארויסבאַקומען.

ג.

דער פּוילישער אויפשטאַנד שטערט דעם שמש אין זיין טעטיקייט. — די „הפקרות" וואַקסט און מען קאָן נישט העלפן. — די „פאָלקסגוואַרדיע" און די יידישע אָפּטיילונג. — די העזה פון די יידישע גוואַרדיעלײַט. — די ווילד־משונהדיקע „איין־און־דרײַסיקער". — „די בעסטע פון די יידן". — די מעשים פון די תקיפים. — דער מאַסקאַראַד פון יידישע ווײַבלעך. — ווידער „פּלאַץ בראַני". — גענעראַל־פּאָליצמײַסטער פון דער טעטיקער אַרמיי אַנשטאָט דער מוניציפּאַליטעט־מאַכט. — מען טאַנצט, מען ווײַלט זיך און דער שמש קאָן דערצו גאָרנישט טאָן. — וואָס דער רב האָט נישט געקאָנט האָט קהל געמאַכט. — על פי דיני הקאָדעקס טאָר מען נישט טאַנצן. — אַ באַפעל אַז פּאָליציי זאָל העלפן די שמשים באַקעמפן די „הפקרות". — די שליטה פון די שמשים לעבט אויף.

נישט לאַנג האָט אָבער געדויערט די געוועלטיקונג פון שמש. איבערגעריסן האָט זי דאָס מאָל דער פּוילישער אויפשטאַנד וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן דעם 29טן נאָוועמבער 1830 און זיך געענדיקט דעם 8טן סעפּטעמבער 1831. בעת די אומרוען אין שטאָט איז אוממעגלעך געווען די שמשים צו דערפילן די פליכט פון זייער אַמט, און טענץ מיט פאַרוויילונגען האָבן אָן דעם אויך נישט געקאָנט פאָרקומען.

און אויך דערנאָך, ווען עס איז אין שטאָט רואיק געוואָרן, האָבן זיך די שמשים געמוזט פאַרהאַלטן רואיק, כאָטש „אַרבעט" איז געווען זייער פיל, פיל מער ווי פריער.

די „הפקרות" איז געוואַקסן און טון דערצו האָט מען גאָר נישט געקאָנט. בעת דעם אויפשטאַנד איז געגרינדעט געוואָרן אין וואַרשע אַ „פאָלקסגוואַרדיע", וועלכע האָט געהאַט דעם צוועק אָפּצוהיטן די אָרדענונג אין שטאָט און אויך בייהילפיק זיין דעם פּוילישן מיליטער. ביי דער דאָזיקער גוואַרדיע איז געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע אָפּטיילונג וועלכע איז באַשטאַנען מייסטנס פון משרתים אין די געוועלבער, בעלי־מלאכות אד"גל. די אַלע האָבן זיך אָפּגעשוירן בערד און פאות און זיך געקליידט מיליטעריש. דינענדיק אין דער גוואַרדיע האָבן זיי אָנגענומען העזה, זיך צוגעוואוינט צו קוקן פון דער הייך מיט חוצפה אויף אַלע אַנדערע איינגעהויקערטע, געבויגענע יידן. אַפילו קהל (דעמאָלט „דאָזאָר בוזשניטשי") און בית־דין האָבן זיי נישט געאַכט. ווען דער אויפשטאַנד האָט זיך געענדיקט האָבן זיי זיך שוין מער נישט געלאָזט וואַקסן די בערד און פאות און נישט געקליידט זיך יידיש. תקיפים זענען זיי געוואָרן.

די דאָזיקע יידן, וואָס האָבן אויף דער יידישער גאַס אויסגעזען אַזוי ווילד משונהדיק האָט מען גערופן „די איין־און־דרייסיקער", און דער דאָזיקער נאָמען איז געווען ווי אַ תירוץ אויף דעם פאַר וואָס מען דערלויבט עפּעס אַזוי אַזעלכע ברואים פראַנק און פריי זיך ארומדרייען צווישן יידן.

און די „איין־און־דרייסיקער" האָבן זיך געפילט שטאַרק, תקיפים זענען זיי ביי זיך געווען. די פּוילישע געזעלשאַפט האָט זיי באַטראַכט אַלס די בעסטע פון יידן און האָט מיט זיי גיכער געשעפטן געמאַכט ווי מיט אַנדערע יידן, און אויך די מאַכט האָט זיי מער געאַכט. פּאָרט עפּעס מענטשן וואָס האָבן געהאַלטן געווער אין דער האַנט און זענען „מענטשלעך" געקליידט. און זיי האָבן זיך דערלויבט דאָס וואָס אַנדערע יידן האָבן זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערלויבן (15). שבת און יום־טוב זענען זיי זיך ארויס אין די קריסטלעכע גאַסן און דאָרט פאַרבראַכט די צייט אין גערטנער און שענקן. זייערע פרויען, וועלכע האָבן געהאַט געשוירענע קעפּ און געטראָגן בינדעס אָדער הויבן מיט סטענגעס — ווי אַלע יידישע ווייבלעך אין יענע צייטן — האָבן זיך זעלבסטפאַרשטענדלעך נישט געקאָנט ווייזן דאָרט וואו זייערע מענער זענען געווען. זיי האָבן אָבער אויך דערצו געפונען אַן עצה. זיי האָבן אין געהיים ארויסגעשיקט זייערע דינסטן מיט אַ פּעקל מלבושים אין אַ געוויס הויז אויף איינער פון די קריסטלעכע גאַסן. די פרויען זענען נאָכגעגאַנ־

---

13) קריסטן האָבן זיך גיך ארויסגעצויגן אַפילו פון זייערע אייגענע הײַזער וואָס האָבן זיך געפונען אויף די גאַסן וואָס זײַנען אַנגעוויזן געוואָרן פאַר יידן, ווײַל זיי האָבן נישט געוואָלט און אפשר אויך נישט געקאָנט, וווינען צווישן דער ענג־געפּאַקטער מאַסע יידן וועלכע האָבן זיך געהאַט זייערע באַזונדערע אייגנאַרטיקע מנהגים. נאָך אין יאָר 1810 האָט דער אינערן־מיניסטער פון וואַרשעווער הערצאָגטום געשריבן אין זײַן ראַפּאָרט צום קעניג אַז צוליב דעם וואָס מען דערלויבט נישט יידן צו קויפן געמויערטע הײַזער אויך אין די גאַסן וואָס זײַנען אַנגעוויזן געוואָרן פאַר יידן, שטייען דאָרט פיל הײַזער ליידיק, ווײַל קריסטן ווילן נישט וווינען אין די גאַסן ווו פיל מענטשן פון אַלטן גלויבן זײַנען פאַרזאַמלט". דעם 25טן אַפּריל 1812 האָט דער אינערן־מיניסטער געשריבן צום מיניסטאַרן־ראַט: „דער לעבנסאַרט פון יידן צווינגט נישט איין מאָל קריסטן צו פאַרלאָזן זייערע הײַזער וואָס געפינען זיך צווישן יידישע וווינונגען" (אַקטן פון קויפן נחלאות דורך יידן, ערשטער באַנד, אַרכיוו אַלטע אַקטן אין וואַרשע).

14) געצייכנט לויט דער מינדלעכער שילדערונג פון דעם געוועזענעם סעקרעטאַר פון „דאָזאָר בוזשניטשי" אין וואַרשע, יעקב ראַטוואַנד, וועלכער איז געשטאָרבן בערך 1910 אין עלטער פון עטלעכע און נײַנציק יאָר, און האָט גוט געדענקט אַלע פּאַסירונגען פון יענע צײַטן. פאַרגלײַך: ח. נוסבוים, שקיצע חיסטאָרישנע זשידאָוו וו וואַרשאַוויע, וואַרשע 1881, ז' 60—66.

15) אַקטן פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט 1029, הויפּטאַרכיוו.

גען, און דאָרט, אין טויער, האָבן זיי זיך איבערגעקליידט „קריסטלעך” און אויפן קאָפּ האָבן זיי אָנגעטון אַ שייטל מיט אַ הוט, און אַזוי זענען זיי געגאַנגען מיט זייערע מענער צוזאַמען. די דינסט האָט די יידישע מלבושים אַהיים געטראָגן און אויף דער נאַכט האָבן זיי שוין געוואַרט אויף דעם באַשטימטן אָרט און די ווייבער האָבן צוריק אָנגעטון די יידישע מלבושים און זענען געגאַנגען אַהיים (16).

דער ביישפּיל פון די „איין־און־דרייסיקער” האָט געווירקט אויף אַנדערע. זיי האָבן נישט געקאָנט נאָכטון די „איין־און־דרייסיקער”. זיי האָבן נישט געהאַט די העזה זיך פּורש צו זיין פון כלל ישראל און קליידן זיך „דייטש”, שערן די בערד און פּאות. עס איז זיי אוממעגלעך געווען דאָס צו טון, וואָרעם זיי וואָלטן געווען ווי אין חרם, און וואָלטן נישט געקאָנט עקסיסטירן (די „איין־און־דרייסיקער” האָבן געלעבט, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, בלויז פון קריסטן) און דורך דעם האָבן זיי זיך נישט געקאָנט ווייזן אין די גערטנער און פאַרוויילונגס־ערטער וואָס זענען געווען אין די קריסטלעכע גאַסן (מען וואָלט זיי דאָרט נישט אַריינגעלאָזט). דערפאַר האָבן זיי ווידער שפּאַצירט אויף „פּלאַץ בראָני”, אין וועלדל, און פאַרבראַכט אין גערטנער און שענקען וואָס זענען דאָרט געווען, די פריערדיקע מוניציפּאַליטעט־מאַכט און די מיליציע, וועלכע פלעגט געבן הילף די שמשים ביים באַקעמפן די „הפקרות”, האָבן נישט עקסיסטירט און זייער שליטה איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם גענעראַל־פּאָליצמייסטער פון דער טעטיקער אַרמיי און דער פּאָליציי וואָס איז געשטאַנען צו זיין באַפעל. צו דעם דאָזיקן גענעראַל־פּאָליצמייסטער האָט זיך שוין דער רב נישט געקאָנט ווענדן. דאָס פאַרלאַנגען עפּעס אַ ממשלה פאַר זיך וואָלט געווען פאַרן רב אַ סכנה.

און די „הפקרות” איז ביני־לביני נאָך מער געוואַקסן. עס איז געקומען דערצו אַז נישט נאָר זומערצייט, נאָר אויך האַרבסט און ווינטער האָט זיך די יידישע יוגנט געוויילט. עס האָבן זיך געפונען אויך אין די יידישע גאַסן שענקהייזער און סתם שטיבער וואו די יוגנט האָט זיך פאַרזאַמלט שבת און יום־טוב, געטאַנצט און זיך געוויילט. און די שמשים האָבן גאָר נישט געקאָנט קעגנווירקן. ביי דער נייער אָרדענונג האָבן זיי מורא געהאַט פאַר דער פּאָליציי.

נאָר דאָס וואָס דער רב האָט נישט געקאָנט אויפטון, איז געמאַכט געוואָרן דורך קהל אָדער ”דאָזאָר־בוזשניטשי”.

דעם 14טן נאָוועמבער 1833 (מיטן נומער 677) האָט זיך דער דאָזאָר געווענדט צום גענעראַל־פּאָליצמייסטער מיט אַ ביטע, אין וועלכער ער האָט געשריבן אַז דער רב האָט אים מודיע געווען דאָס אין וואַרשע זענען פאַראַן ערטער וואו די יידישע יוגנט פאַרזאַמלט זיך שבת און יום־טוב, „פאַרברענגט די צייט מיט טענץ און פאַרוויילונגען, ווי אויך מיט אַנדערע אויסגעלאַסענע זאַכן” וועלכע זענען פאַרווערט לויט די יידיש־רעליגיעזע דינים, און דער רב בעט דעם דאָזאָר, ער זאָל זיך משתדל זיין, „עס זאָל אָנגענומען ווערן מיטלען קעגן דער אַנטי־רעליגיעזער אויסגעלאַסנקייט”.

און דער דאָזאָר דערווייזט אין זיין ביטע אַז על פּי הקאָדעקס דאַרפן טאַקע אָנגענומען ווערן אַזעלכע מיטלען.

„כאָטש — שרייבט ער — אין די דינים פון ציוויל־געזעץ געפינט זיך גאָרנישט וועגן דעם אַז מען זאָל מעגן זיך אַריינמישן און השגחה האָבן אויף דעם הויזלעכן רעליגיעזן לעבן פון פּריוואַטן איינוואוינער, פון דעסט וועגן שרייבן פאַר די אַרטיקלען 77 און 78 פון דעם פּוילישן שטראָפקאָדעקס אַז קיינער טאָר נישט געבן קיין גרונד צו רעליגיעזער ערגערניש, און טענץ, פאַרוויילונגען און אויסגעלאַסנקייט אין עפנטלעכע הייזער, פאַרזאַמלען זיך אין שבתים און יומים־טובים, איז פאַרווערט לויט דער יידישער רעליגיע, און דאָס איז אַ בפירושע רעליגיעזע ערגערניש”. דעריבער בעט דער דאָזאָר דעם גענעראַל, ער זאָל דערלויבן אַז די שמשים מיט דער הילף פון די צירקל־אויפזעערס (רעוויראָוועס) זאָלן האָבן השגחה אַז להבא זאָל אַזעלכעס מער נישט פאָרקומען, און דער יידישער יוגנט וואָס וועט זיך יאָ פאַרזאַמלען אויף טענץ און פאַרוויילונגען זאָלן זיי הייסן זיך פונאַנדערגיין. די, ווידער, וואָס וועלן נישט פאָלגן דעם באַפעל פון די שמשים, זאָלן זיי (די שמשים) באַפולמעכטיקט זיין צוצושטעלן אין דער נאָענטסטער קאַנצעלאַריע פון פּאָליציי־קאָמיסאַר”.

דעם 28טן נאָוועמבער 1833 (מיטן נומער 60.347) האָט דער גענעראַל־פּאָליצמייסטער מודיע געווען דעם דאָזאָר אַז ער איז איינשטימיק מיט זיין מיינונג און אַז ער האָט שוין אַרויסגעשיקט אַ געהעריקן באַפעל צו די צירקל־קאָמיסאַרן פון דער אויספירונגס־פּאָליציי (17).

אַזוי אַרום האָבן די שמשים צוריק באַקומען זייער שליטה און ווידער גענומען הערשן.

ד.

די שמשים באַלעבאַטעווען ווידער. — רעוויזיעס, „אָרדענונג" מאַכן און אַבלאַוועס. — די שמשים שטראָפן מיטן כוח פון דער פּאָליציי. — אַן אַנקלאַגע צום זשאַנדאַרמעריע־פּולקאָווניק. — די שמשים מעגן נאָר כאַפּן, אָבער נישט שטראָפן. — די „הפקרים" און זייערע ליידן. — אַ ציג אין אַ הויב מיט סטענגעס. — דער עונש פון שטיפעריי. — חרפות, בושות, קלעפּ, שמיץ און אַרעסט. — זאָל זיין קלעפּ פון שקצים און באַוואָרפן ווערן מיט שטיינער, אַבי זיך געוויילט. — „סאַסקע קעמפּע". — אַ מיטל קעגן די שמשים. — קהל קעגן דער שרעקלעכער אויסגעלאַסנקייט אויף „סאַסקע קעמפּע". — אויך דאָרט איז די פּאָליציי בייהילפיק די שמשים. — אַן אַנדער מין יידן. — עמי־הארצים אַן טראַדיציעס. — פאַר „קרובים למלכות" האָט מען דרך־ארץ. — אמתע פאַרברעכערס קעגן יידישן דת זיינען ראשי הקהל. — 1.200 רובל יערלעך אויף „רעליגיעזן סטראַזש" — דער המון טאָר נישט דאָס וואָס זיי מעגן. — דער רב ר' שלמה זלמן ליפשיץ און זיין גרויסע הכנעה פאַר הערמאַן עפּשטיין. — דברי כבושין פאַר דעם „איידעלן, פיינעם, פילמעכטיקן הער".

ווידער האָבן די שמשים אָנגעהויבן באַלעבאַטעווען אויף דער יידישער גאַס. ווידער האָבן זיי געמאַכט רעוויזיעס און „אָרדענונג” אין די יידישע שטיבער. זיי האָבן זיך שוין נישט באַנוגנט מיט די אַבלאַוועס אויף די שענקהייזער און שטיבער וואו עס האָבן געזאָלט פאָרקומען טענץ און פאַרוויילונגען, ווי אויך אויף דעם „פּלאַץ בראָני”. זיי זענען אויך באַפאַלן און האָבן געשלאָגן מכות־רצח יעדן אויף וועמען זיי האָבן געהאַט אַ פאַרדאַכט און אים אָנגעטראָפן שבת אָדער יום־טוב גיין אין דער ריכטונג אויסערהאַלב דער שטאָט. דאָס לעבן אויף דער יידישער גאַס איז געוואָרן שרעקלעך געדריקט. די שמשים האָבן אויף זייער אַרט „באַשטראָפט” נישט נאָר פאַר „הפקרות” אָדער „אויסגעלאַסנקייט”, נאָר אויך פאַר יעדן מין שטיפעריי פון אַ יינגל, אָדער אַ דערוואַקסענעם. אומעטום זענען זיי געווען פול, אומעטום האָבן זיי געהאַט זייערע אויגן און אויך זייערע הענט. און אומעטום זענען זיי געווען מיט זייער מאַכט. די פּאָליציי האָט דאָך מיט זיי מיטגעהאַלטן, זיי מיטגעהאָלפן. מער האָט מען דאָך נישט באַדאַרפט ווי דעם באַפעל פון גענעראַל־פּאָליצמייסטער אַז פּאָליציי דאַרף די שמשים בייהילפיק זיין אין געוויסע פאַלן, כדי קהל זאָל אויספירן, דורך באַוואוסטע מיטלען, אַז שטענדיק זאָל די פּאָליציי מיטהעלפן.

ווען עס איז שוין צו שווער געווען איבערצוטראָגן די אויפפירונג פון די שמשים, האָבן זיך עפּעס יידן געווענדט מיט אַן אָנקלאַגע, אַן אַנאָנימער, צום פּאָלקאָווניק פון זשאַנדאַרמען־קאָרפּוס, וועלכער האָט דעמאָלט פאַרטרעטן די שטעלע פון וויצעפּרעזידענט פון דער שטאָט וואַרשע, און זיך פאַר אים באַקלאָגט אויף די שרעקלעכע גוואַלדטאַטן פון די שמשים.

דער פּאָלקאָווניק האָט די זאַך אויסגעפאָרשט און דעם 3טן אויגוסט 1837 האָט ער צוגעשיקט צום „דאָזאָר בוזשניטשי” אַ באַפעל (מיטן נומער 43.148) אַז נישט די שמשים און נישט דער רב טאָרן מאַכן פּסקים. די שמשים מעגן נאָר פאַרהאַלטן די וואָס זיי כאַפּן ביי טענץ ווי אויך ביי אַנדערע פאַרוויילונגען, וואָס זענען לויט דער יידישער רעליגיע פאַרבאָטן, און זיי צושטעלן צו די פּאָליציי־קאָמיסאַרן, די לעצטע ווידער זענען מחויב צוצושטעלן די פאַרהאַלטענע צו דער דעציזיע פון דער מוניציפּאַליטעט־מאַכט, וועלכע וועט באַשטראָפן יעדן לויט די פאָרשריפטן (18).

דער דאָזיקער באַפעל האָט אויף אַזוי פיל געהאָלפן אַז די שמשים האָבן עפנטלעך, אויף דער גאַס, קיינעם נישט געשלאָגן. זיי האָבן אָבער ווייטער געמאַכט אַבלאַוועס מיט דער הילף פון פּאָליציי, אָפּגעפירט די „מופקרים” צום פּאָליציי־אַמט און אין וואָכנטאָג צוגעשטעלט צום דאָזאָר וועלכער האָט די פאַרהאַלטענע אָפּגעשיקט גלייך צום וויצעפּרעזידענט. די חרפות און בושות וואָס די „מופקרים” האָבן געליטן, און די קלעפּ וואָס זיי האָבן באַקומען אויפן וועג ווי אויך אין צירקל אָדער אין מוניציפּאַליטעט־אַמט, אַחוץ די שטראָפן וואָס זיי האָבן דערנאָך באַקומען, זענען אָבער אויך נישט גענוג געווען צו באַזייטיקן די „הפקרות” צווישן יידן.

ווי ווייט די שמשים מיט קהל זענען געווען עמפּפינדלעך אויף

---

16) פון די שילדערונגען פון יעקב ראַטוואַנד.

17) ה. נוסבוים, דאָרט ז' 61.

18) פּאָליציי־אַקטן, דאָרט.

יעדן אַרט שטיפעריי וואָס האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט צו „אויסגעלאַסנקייט", קאָן באַווייזן דער דאָקומענט וואָס מיר גיבן דאָ איבער אין אַ ווערטלעכער איבערזעצונג:

נומער 363 וואַרשע, 8טער אויגוסט 1837
דאָזאָר בוזשניטשי
פון דער איזראַעליטישער געמיינדע
אין וואַרשע

ראַפּאָרט.
צום פּילמעכטיקן הער
וויצעפּרעזידענט
פון דער שטאָט וואַרשע.

איך האָב די ערע מודיע צו זיין אַז דער דערמיט אָפּגעשיקטער איצעק יונה קאָלעבקאָ האָט זיך דערלויבט צו טון אַ מעשה־רע וואָס גייט איבער די גרענעץ פון אָנשטענדיקייט: ער האָט אָנגעטאָן אַ הויב מיט סטענגעס אַ ציג, און אַזוי האָט ער זי געפירט איבער דער גאַס. ווייל דער דאָזיקער טאַט זיינער האָט געקאָנט אַרויסרופן אַן אַוואַנטורע האָט דער „דאָזאָר בוזשניטשי" אים פאַרהאַלטן און שיקט אים אָפּ צו דער דעציזיע פון פּילמעכטיקן הער.

מיטגליד פון דאָזאָר

(די אונטערשריפט איז אומלייענבאַר) (19).

ווי אַלט דער דאָזיקער „שווערער פאַרברעכער" איז געווען און וואָס פאַר אַ שטראָף ער האָט באַקומען האָבן מיר אין די אַקטן נישט געפונען. וואַרשיינלעך איז ער געווען גאָר אַ יונג יינגל, אַ שטיפער, און זיין שטראָף איז געווען ווי די שטראָף פון אַנדערע „פאַרברעכערס" וועמען די שמשים האָבן געכאַפּט און צוגעשטעלט דער פּאָליציי: פון צוואַנציק ביז הונדערט שמיץ און עטלעכע טעג אַרעסט.

אויף אַזאַ אופן איז אין אמתן געלונגען דעם בית־דין און קהל איינצושטילן די „אויסגעלאַסנקייט" און די זינד קעגן דער „אָנשטענדיקייט" אין דער יידישער גאַס. די אימה פאַרן שמש איז געפאַלן אויף גרויס און קליין, אויף יונג און אַלט, און קיינער האָט זיך נישט געוואַגט צו טון עפּעס אַ זאַך וואָס קאָן אַ מאָל דעם שמש נישט געפעלן ווערן.

דאָס לעבן האָט אָבער פאָרט געטון דאָס זייניקע. שטאַרקער איז דאָס לעבן פון אַלע שמשים, און אויך פון דער אימה פאַר חרפּות און בושות, פאַר קלעפּ, שמיץ און אַרעסט. די יוגנט וואָס האָט זיך נישט געקאָנט פאַרזאַמלען אויף פאַרוויילונגען אין וואַרשע, אויף „פּלאַץ בראָני", אין די גערטנער, האָט זיך געפונען אַן אַנדער אָרט וואוהין דעם שמשס ממשלה האָט שוין נישט דערגרייכט. אויף „סאַסקע קעמפּע" איז מען געגאַנגען און דאָרט זיך געוויילט. דאָס איז, אמת, טאַקע געווען נישט באַקוועם, ווייט איז געווען, דער וועג אַ שלעכטער, אַ בלאָטיקער, און גייענדיק איז מען נישט איין מאָל באַוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער און באַקומען קלעפּ פון גרעסערע און קלענערע שקצים. מען האָט זיך אָבער דאָך אַ מאָל געמוזט אַרויסרייסן פון דער ענגשאַפט, פון דער שטיקעניש, פון די אומאָנגענעמע ריחות, פון דער שרעקלעכער מורא׳ שחורהדיקער אַטמאָספערע. עס האָט געצויגן, געשלעפּט, צו אַ פרישער, ריינער לופט, צו עפּעס אַ פרייערער באַוועגונג, צו אַ ווײלע אויפגעהייטערטקייט, אַ פרייליכערער רגע. און אַ מעלה האָט די „סאַסקע קעמפּע" געהאַט גאָר אַ גרויסע: זי האָט נישט אָנגעהערט אָפּיציעל צו וואַרשע, נאָר צום וואַרשעווער קרייז און די פּאָליציי האָט דאָרט נישט געגעבן די שמשים קיין הילף. פאָרקערט, פאַר עטלעכע מטבעות, אַ פּאָר גלעזלעך בראָנפן אָדער ביר וואָס די פּאָליציאַנטן האָבן באַקומען פון די „אויסגעלאַסענע", האָבן זיי, זיי נאָך געשיצט פאַר די שמשים און זיי נישט צוגעלאָזט צו די פאַרוויילונגסערטער.

און אַזוי האָט זיך די יידישע יוגנט פאַרזאַמלט יעדן שבת און יום־טוב אויף „סאַסקע קעמפּע", פאַרבראַכט דאָרט די צייט מיט טענץ און אַנדערע פאַרוויילונגען, און די שמשים האָבן גאָרנישט געקאָנט העלפן.

נישט לאַנג האָט דאָס אָבער געדויערט. דאָס בית־דין מיט קהל האָבן אויך אויף „סאַסקע קעמפּע" געוואָרפן זייער אויג. די וועלט איז אין ערגעץ נישט הפקר.

דעם 4טן יוני 1839 האָט דער וואַרשעווער „דאָזאָר בוזשניטשי" זיך געווענדט צום קאָמיסאַר פון וואַרשעווער קרייז מיט אַ ביטע אַז כדי נישט צו דערלאָזן צו דער „שרעקלעכער אויסגעלאַסנקייט", צו וועלכער די יידישע יוגנט גיט זיך אָפּ שבתים און יום־טובים אויף „סאַסקע קעמפּע", פאַרברענגענדיק דאָרט די צייט מיט טענץ און אַנדערע פאַרוויילונגען, ווייל אין וואַרשע איז די פּאָליציי מחויב בייהילפיק צו זיין די שמשים ביים פונאַנדערטרייבן און כאַפּן די אויסגעלאַסענע, זאָל אויך ער, דער קרייז־קאָמיסאַר, אַרויסגעבן אַ באַפעל אַז די פּאָליציי פון „סאַסקע קעמפּע" זאָל צו הילף קומען די שמשים ווען זיי וועלן קומען „שטערן די אויסגעלאַסענע פאַרוויילונגען".

און דער קרייז־קאָמיסאַר האָט דעם 10טן יוני אָפּגעענטפערט אַז ער האָט שוין אַזאַ באַפעל אַרויסגעגעבן (20).

אויף אַזאַ אופן איז די „סאַסקע קעמפּע" אויך פאַרמאַכט געוואָרן פאַר דער יידישער יוגנט און קיין ייד האָט זיך נישט געטאָרט אַרויסרייסן פון אונטער דער מאַכט פון שמש.

דאָס אַלץ איז אָבער געזאָגט געוואָרן נאָר קעגן יידן פון המון: בעלי־מלאכות, משרתים, הענדלערס, מעקלערס אד"גל. עס האָט זיך אָבער געפונען אין וואַרשע אַ מין יידן וואָס האָט נישט נאָר פאַרן שמש, נאָר אויך פאַרן בית־דין קיין שום מורא נישט געהאַט. פאַרקערט, דער רב אַליין מיט אַלע איבעריקע יידן האָבן פאַר זיי געציטערט, זיי גרויסן כבוד אָנגעטון, כאָטש זיי זענען געווען מחללי שבת בפרהסיה, האָבן געגעסן טרפות און ראַזירט די בערד, געשוירן די פּאות, געקליידט זיך גויאיש און בכלל זיך אויפגעפירט ווי גויים.

דאָס זענען געווען די זייער רייכע יידן, באַנקירן, ווי יעקב עפּשטיין מיט זיינע זין, חיים יונה (יוזעף), יאַנאַש, מאיר בערזאָן, מאַטיאַס ראָזען און פיל אַנדערע.

דאָס רוב פון זיי זענען געווען אויפגעקומענע גבירים וואָס האָבן געשטאַמט פון נידעריקן קלאַס מענטשן און, זייענדיק עמי־הארצים און נישט האָבנדיק קיין טראַדיציעס פון דער היים, איז זיי זייער לייכט געווען זיך פּורש צו זיין פון כלל ישראל און צוליב געשעפט זיך קליידן אַנדערש ווי אַלע יידן, שערן די פּאות און ראַזירן די בערד. דערנאָך, ווען זיי זענען שטאַרק רייך געוואָרן, האָבן זיי זיך מתקרב געווען צו פּריצים, זענען געוואָרן קרובים למלכות, זיך אויפגעפירט ווי אמתע שררות, כאָטש נישט איינער פון זיי, ווי למשל עפּשטיין, בערזאָן און יאַנאַש, האָבן זיך נישט געקאָנט רעכט אונטערשרייבן. פאַר די אַלע האָט געציטערט די גאַנצע קהילה מיטן בית־דין צוזאַמען. עטלעכע פון זיי זענען געווען פאָרשטייערס פון קהל אָדער „דאָזאָר בוזשניטשי", און פון אַנדערע יידישע אַנשטאַלטן. יעקב עפּשטיין איז געווען איינער פון קהל און לאַנגיעריקער קוראַטאָר פון יידישן שפּיטאָל אָדער הקדש. חיים יונה יאַנאַש איז געווען יאָרן לאַנג מיטגליד, טייל מאָל אויך פּרעזעס פון „דאָזאָר בוזשניטשי". מאַטיאַס ראָזען (ער איז געווען אַ זון פון אַ יידישן באַנקיר און האָט געהאַט אַ געוויסע בילדונג) איז געווען פּרעזעס פון ראַט פון די יידישע שילן. דאָס גלייכן אַנדערע פון זיי זענען געווען גאַנצע דעה־זאָגערס אין דער קהילה.

דאָס אינטערעסאַנטסטע פון אַלעם איז אַז די פּראָגרעסיווע לייט האָבן זיך קיין מאָל נישט אַנטקעגנגעשטעלט דעם קאַמף וואָס קהל האָט געפירט קעגן דער „הפקרות" פון המון, נאָר פאַרקערט, זיי אַליין האָבן נאָך דערצו מיטגעווירקט.

עס ליגט פאַר אונדז אַ פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון „דאָזאָר בוזשניטשי" פון 23טן מיי 1842, אין וועלכן מיר לייענען אַז אויפן פאַרלאַנג פון רב (ר' חיים דאַווידזאָן) איז באַשלאָסן געוואָרן אַריינצוטראָגן אין עטאַט פון דער קהילה אַ סומע פון 1200 רובל יערלעך (אַזאַ סומע איז אין יענע צייטן גערעכנט געוואָרן פאַר זייער אַ גרויסער, נעמענדיק אין אַכט אַז אַן אייבער־שמש האָט דעמאָלט געגומען אַ פּענסיע פון 5 רובל אַ חודש) צו אויפהאַלטן „די רעליגיעזע סטראַזש" (בית־דין־שמשים וואָס האָבן געפירט דעם קאַמף קעגן „הפקרות").

אונטערגעשריבן אונטער דעם דאָזיקן פּראָטאָקאָל זענען, צווישן אַנדערע: מאַטיאַס ראָזען — אַלס פּרעזעס פון „דאָזאָר", יוזעף (חיים יונה) יאַנאַש און יעקב טוגענדהאָלד — אַלס מיטגלידער פון „דאָזאָר".

ווי עס שיינט, האָבן די „פּראָגרעסיווע" לייט נישט געוואָלט אַז דער המון זאָל אויך ווערן „פּראָגרעסיוו" ווי זיי, כדי זיי זאָלן נישט אויפהערן צו זיין די „מיוחסים" פון דער קהילה.

---

19) אַקטן פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט, 1230.

20) פאַרשיידענע פאַראָרדענונגען, אַרכיוו פון וואַרשעווער גמינע.

ווי ווייט די דאָזיקע מיוחסים זענען געווען תקיפים און אַלע האָבן פאַר זיי געציטערט, באַווייזט דער דאָזיקער פאַקט:

איינער פון יעקב עפשטיינס זין, הערמאַן, (זיינע אַלע קינדער האָבן זיך שפעטער געשמדט) איז געווען אַדמיניסטראַטאָר פון די שטייער־איינקונפטן אין וואַרשע און אין פראָגע. אויף דער צאָל־קאַמער האָבן געאַרבעט עטלעכע יידן און זיי זענען געצוואונגען געווען צו אַרבעטן, ווי דער אַדמיניסטראַטאָר אַליין, אויך שבת און יום־טוב. דער רב, ר׳ שלמה זלמן ליפשיץ, איז פון דער מעשה געוואויר געוואָרן, און עס האָט אים זייער געקרענקט.

דוכט זיך אַז דער רב האָט זיך באַדאַרפט ווענדן צום „דאָזאָר", ער זאָל דערלאַנגען דער שטאָטמאַכט אַ ביטע אַז עס זאָל פאַרווערט ווערן יידן מחלל שבת צו זיין בפרהסיה, כדי נישט אַרויסצורופן קיין „רעליגיעזע קרענקונג", ווי טאַקע דער רב מיטן „דאָזאָר" האָבן געטון אין ענין פון „הפקרות" — פון טאַנצן און אַנדערע פאַרוויילונגען.

די דרייסטקייט קעגן הערמאַן עפשטיין האָט אָבער דער גרויסער רב און באַרימטער גאון נישט געהאַט. כדי דאָך צו קעמפן קעגן חלול שבת האָט ער געשיקט צו הערמאַן עפשטיין אַ פויליש בריוו וואָס איז פול מיט הכנעה און חניפה צו דעם „פילמעכטיקן הער". „אַ שמערצנדיקע ידיעה — שרייבט דער רב — איז צו מיר אָנגעקומען. מיין גאַנצע נשמה איז פול געוואָרן מיט פאַרביטערונג, געוואויר ווערנדיק אַז אויף דער צאָלקאַמער זענען באַשעפטיקט עטלעכע יידן אויך שבת און יום־טוב". „איר, פילמעכטיקער און גנעדיקער הער, וואָס זענט אַזוי באַוואוסט מיט אייער איידל הארץ און מיט אייער פיינער נשמה, ווילט זיכער נישט מאַכן מענטשן אַזוי פיל קרענקונג", און דעריבער זאָל ער זיך מרחם זיין און באַפרייען די עטלעכע יידן פון דער אַרבעט אין די טעג וואָס יידן איז נישט דערלויבט צו אַרבעטן (21).

אַז ער, הערמאַן עפשטיין אַליין, דאַרף אויך נישט אַרבעטן שבת און יום־טוב, האָט זיך דער רב שוין נישט איינגעשטעלט אפילו מרמז צו זיין. מיר געפינען אויך נישט אין גאַנצן גרויסן בריוו אפילו קיין זכר פון עפעס דברי מוסר, ווי עס פאַסט פאַר אַ רב, נאָר בלויז דברי כבושין: רחמנות זאָל ער האָבן דער איידעלער, פיינער „פילמעכטיקער הער". מער נישט.

קיין אַנדערע דברים האָט דער וועלט־באַרימטער גאון נישט געהאַט פאַר אַ פאַרשוין ווי הערמאַן עפשטיין וואָס איז אין אמתן געווען אַ קרוב למלכות.

ח.

אַ קאַמף קעגן השכלה־ספרים. — חסידים און מגלה טמירין. — טעמערל. — דריי גאָלדענע רענדלעך פאַר אַן עקזעמפליאַר „מגלה טמירין". — בראַנפן מיט לעקעך און מוסר־ווערטער. — אַ סוחר אַ משכיל און זיינע השכלה־ספרים. — חסידים נעמען זיך אַ משומד צו הילף. — טשערסקער, דער אייבער־צענזאָר און שפיאָן. — אַ גזירה אויף ספרים וואָס ווערן אַריינגעפירט פון אויסלאַנד. — דער 7טער באַנד פון „כרם חמד". — זשאַנדאַרמען און פאָליציי באַפאַלן האַלבע נאַכט די וווינונג פון משכיל און נעמען אים אין ציטאַדעל. — אַ פירוש אויפן פסוק „בשנת היובל" און די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. — דער עונש פאַר פאַרשפרייטן כפירה־ספרים. — דער קאַמף קעגן הפקרות מוז געלינדערט ווערן. — ראַבינערס מוסרים. — אַ שלעכטער ביישפיל.

אַ שווערער קאַמף איז אויך געפירט געוואָרן אין וואַרשע קעגן אַן אַנדערער מין „הפקרות", נעמלעך קעגן לייענען השכלה־ספרים.

צווישן די יידישע זקנים אין וואַרשע ווערן נאָך ביז היינט דערציילט מעשיות וועגן קאַמף וואָס חסידים האָבן געפירט קעגן דעם ספר „מגלה טמירין" וואָס איז אַ פאַראָדיע אויף כלומרשטע בריוו פון רביים און חסידים. יעדער חסידישער פאָטער האָט זייער אָפט בודק געווען די ספרים פון זיינע קינדער, כדי צו זען אויב צווישן זיי געפינט זיך נישט דער „מגלה טמירין". זיי זענען אויך אַריינגעקומען אין די הייזער פון פראָסטע יידן, וואָס האָבן זייערע קינדער געלאָזט לערנען תורה, און געוואָרנט, מען זאָל, חלילה, נישט אַריינלאָזן דעם טרייף־פסול „מגלה טמירין", וואָרעם אויף דער שטוב וואו ער געפינט זיך מוז קומען אַן אומגליק.

און ווי איז געווען דעם יינגל אָדער דעם יונגן־מאַן ביי וועמען דער „מגלהט מירין" איז אַנטדעקט געוואָרן! אַז דער ספר איז צעריסן און פאַרברענט געוואָרן — דאָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך. נאָר די וואָס האָבן אים געהאַלטן ביי זיך זענען פון זייערע עלטערן געשלאָגן און לאַנג גערודפט געוואָרן.

---

21) אַקטן פון רעליגיעזע פראַנעס, דאָרט.

דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געהאָלפן אויסצוראָטן דעם „סם המות". אין וואַרשע זענען געווען מער מתנגדים ווי חסידים און זיי, די מתנגדים, האָבן גענומען דער „מגלה טמירין" אונטער זייער שוץ.

חסידים האָבן געזוכט אַ מיטל און ענדלעך — ווי זיי האָבן געמיינט — געפונען.

אין וואַרשע האָט אין יענע צייטן (די צוואַנציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט) געלעבט די באַרימטע גרויסע עשירה און נדיבה טעמערל, די פרוי פון באַוואוסטן עושר און נדבן בערקאַ, פון וועמען עס שטאַמט די פאַמיליע בערגסאָן, וואָס איז געווען אַ גרויסע אָנהענגערין פון חסידות און רביים (אין אירע געשעפטן זענען געווען אָנגעשטעלט דער רבי ר׳ בונם פון פשיסכע און דער רבי ר׳ מענדל קאָצקער). צו איר האָבן זיך די חסידים געווענדט און געבעטן, זי זאָל געפינען עפעס אַן עצה אַ סוף צו מאַכן מיט דעם „טרייף־פסול".

חסידים האָבן געמיינט אַז זי וועט מיט געלט קאָנען אויספועלן ביי דער רעגירונג אַז דער ספר זאָל קאָנפיסקירט ווערן, און די ביי וועמען מען וועט אים געפינען זאָלן ווערן אַרעסטירט.

טעמערל האָט אָבער געוואוסט אַז ביי דער רעגירונג וועט זי אין דער הינזיכט אָנטרעפן אויף גרויסע שטערונגען מצד די עטלעכע געבילדעטע יידן וואָס זענען געווען קרובים למלכות און וואָס מיט זייערע מיינונגען האָט מען זיך גערעכנט.

זי האָט דעריבער אַן אַנדער עצה געגעבן:

זי האָט געהייסן אויפרופן אין אַלע שילן, בתי־מדרשים און מנינים אַז ווער עס וועט צו איר ברענגען אַ „מגלה טמירין", וועט פון איר באַקומען דריי גאָלדענע רענדלעך.

און דאָס האָט געווירקט. פון דער גאַנצער שטאָט און אויך פון דער פראָווינץ האָט מען געבראַכט צו טעמערלען „מגלה טמירינס". זי האָט באַצאָלט פאַר יעדן עקזעמפליאַר דריי רענדלעך און אין די אויגן פון די מענטשן וואָס האָבן די עקזעמפליאַרן געבראַכט האָט זי זיי פאַרברענט (22), מכבד געווען די ברענגערס מיט לעקעך־און־בראַנפן, און דערביי געזאָגט אַ פאָר מוסר־ווערטער.

וויפל עקזעמפליאַרן עס האָבן זיך נאָך געפונען אויף דער וועלט, האָט שוין טעמערל נישט געקאָנט וויסן.

אין קאַמף קעגן ספרי־השכלה האָט מען זיך נישט אָפגעשטעלט אפילו פאַר די שווערסטע מסירות, ווי עס באַווייזט דער ווייטערדיקער פאַקט:

אין וואַרשע האָט געוואוינט אַ רייכער און בכבודיקער סוחר, אַ משכיל, זאַטענבערג. ער פלעגט אָפט פאָרן קיין אויסלאַנד. און צוריקקומענדיק האָט ער מיט זיך שטענדיק מיטגעבראַכט השכלה־ספרים ,וועלכע ער האָט געליען יונגע־לייט צום לייענען.

חסידים האָבן זיך דערפון דערוואוסט און באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן מיטן פאַרשפרייטן אַפיקורסות צווישן יידן אין וואַרשע .זיי האָבן געפרואווט אויף זאַטענבערגן ווירקן מיט גוטן, מיט בייזן — אומזיסט. ער האָט זיי אויסגעלאַכט. זיי האָבן אָבער געפונען אַ גוט מיטל, אים אומשעדלעך צו מאַכן.

אין יענע צייטן (1844) איז אין וואַרשע געווען אייבער־צענזאָר פון העברעאישע שריפטן און ספרים איינער אַ משומד, טשערסקער, וועלכער איז גלייכצייטיק אויך געווען אַ שפיאָן. צו אים האָבן זיך געווענדט די וואָס האָבן געפירט דעם קאַמף קעגן דער השכלה, מיט דער בקשה, ער זאָל אַ סוף מאַכן מיטן אַריינברענגען אין לאַנד השכלה־ספרים.

טשערסקער, באַקומענדיק פון די חסידים פאַרויס אַ גוטן מתנת־יד, האָט זיך טאַקע ענערגיש גענומען צו דער זאַך. אַלס שפיאָן האָט ער מודיע געווען דער מאַכט אַז צווישן יידן ווערן פאַרשפרייט אידייען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע דורך ביכער וואָס ווערן אַריינגעפירט פון אויסלאַנד. די מאַכט האָט, אַלזאָ, געהייסן אַכטונג געבן ביי די גרענעצן אויף די יידן וואָס קומען פון אויסלאַנד, און קאָנפיסקירן ביי זיי די יידישע ביכער וואָס זיי פירן מיט זיך.

ווען זאַטענבערג איז צוריקגעפאָרן פון אויסלאַנד, האָט ער געפירט מיט זיך דעם זיבעטן באַנד פון זאַמלבוך „כרם חמד", וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרן ווי אַלע אַנדערע ספרים וואָס זענען אַריינגעפירט געוואָרן אין לאַנד.

זאַטענבערג איז זיך אַהיים געפאָרן קיין וואַרשע, און האָט זיך וויניק וואָס געקימערט וועגן דעם „כרם חמד" וואָס מען האָט ביי

---

22) אַקטן פון רעליגיעזע פראַנעס, דאָרט.

אים צוגענומען, זייענדיק זיכער אַז מען וועט אים דעם ספר צוריקגעבן נאָך דעם ווי ער וועט דורכגעלייענט ווערן אין צענזור, וויסנדיק אַז אין אים געפינט זיך נישט קיין שום וואָרט וואָס זאָל קאָנען זיין פאַרדעכטיק, און טאַקע דערפאַר האָט ער געבעטן, מען זאָל פאַרצייכענען זיין נאָמען און זיין אַדרעס.

עטליכע וואָכן זענען אריבער און פּלוצלינג, האַלבע נאַכט, ווערט דאָס הויז וואו זאַטענבערג האָט געוואוינט באַלאַגערט פון זשאַנדאַרמען און פּאָליציי. מען פאַלט אריין אין זיין וואוינונג, מען מאַכט אַ שטרענגע רעוויזיע, מען נעמט צו אַלע אויסלענדישע ספרים וואָס געפינען זיך ביי אים, און אים אַליין פירט מען אָפּ אין ציטאַדעל.

מיט וואָס האָט ער זיך אַזוי שווער פאַרזינדיקט אַז מען זאָל אים באַפאַלן אין מיטן נאַכט און אָפּפירן אַזש אין ציטאַדעל?

זיין פאַמיליע און גוטע פריינד האָבן זיך באַמיט די זאַך צו דערגיין און נאָך פיל מי און קאָסטן איז זיי געלונגען זיך צו דערוויסן אַז ער ווערט באַשולדיקט אין אַ גאָר געפערלעך פאַרברעכן, דהיינו: ער פאַרנעמט זיך מיט דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

ווי? וואָס? ווען? קומט דאָס צו אַ בכבודיקן רייכן סוחר, ער זאָל זיך פאַרנעמען מיט רעוואָלוציע? וואָס פאַר אַ באַווייז האָט מען עס אויף דעם?

נאָך ווייטערע מי און קאָסטן איז מען געוואויר געוואָרן נאָך מער: אין אַ ספר וואָס זאַטענבערג האָט געבראַכט פון אויסלאַנד געפינט זיך אַ פאַרשטעלטער רמזדיקער רעיון וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע.

אָבער אויב אַזוי, אויב נאָר „אַ פאַרשטעלטער, רמזדיקער רעיון" קאָן מען דאָך שוין עפּעס טון. קאָן מען דאָך שוין באַווייזן אַז דער גאַנצער חשד איז פאַלש.

זאַטענבערגס קרובים האָבן זיך אַלזאָ געווענדט צום צענזאָר און סעקרעטאַר פון צענזור־קאָמיטעט פאַר יידישע שריפטן און ביכער, יעקב טוגענדהאָלד, און אים געבעטן ער זאָל די זאַך קלאָר מאַכן.

דאַן איז מען ערשט געוואויר געוואָרן וואָס די מעשה איז: אין זיבעטן באַנד פון „כרם חמד", וואָס מען האָט צוגענומען ביי זאַטענבערגן אויף דער גרענעץ, געפינט זיך עפּעס אַ פּירוש אויף דעם פּסוק „בשנת היובל הזאת תשובו איש אל אחוזתו", און אויף דעם דאָזיקן פּירוש האָט דער אייבער־צענזאָר טשערסקער געזאָגט אַז דאָס איז אַ באַהאַלטענע חקירה וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע וואָס ווערט דאָרט אָנגערופן מיטן נאָמען „שנת היובל".

טוגענדהאָלדן איז דעמאָלט לייכט געווען צו באַווייזן אַז טשערסקערס מיינונג איז פאַלש, און זאַטענבערג איז באַפרייט געוואָרן, אָפּזיצנדיק אין ציטאַדעל מער פון אַ האַלב יאָר (23). פון דעמאָלט אָן האָט ער שוין געוואוסט ווי גרויס עס איז די שטראָף פון די וואָס פאַרשפרייטן צווישן יידן כפירה־ספרים (24).

אָט אַזוי האָט מען אַ מאָל געקעמפט אין ווארשע קעגן אַלע מיני הפקרות. מיט דער צייט האָט אָבער דער קאַמף געמוזט געלינדערט ווערן. די ראַבינער־שול, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1826, האָט יעדעס יאָר אַרויסגעלאָזט אַ געוויסע צאָל געענדיקטע ראַבינערס — „מופקרים" די ערשטע שילערס זענען געווען מיינסטנס יתומים וואָס האָבן באַלד באַקומען קליידונג און גאַנצע אויסהאַלטונג, שפּעטער — אויך קינדער פון די „איין־און־דרייסיקער" און אַנדערע „מחוצפים", און די דאָזיקע „מופקרים", קאָנענדיק זיך פאַרטיידיקן פאַר דער מאַכט און זייענדיק „דייטש" געקליידעט, האָבן נישט נאָר אַליין נישט געאַכט דעם שמש און אפילו דעם רב, נאָר אויך פאַר אַנדערע געדינט אַלס ביישפּיל. פיל מאָל זענען זיי אויך אָפּן אַרויסגעטראָטן צו פאַרטיידיקן די וואָס זענען פון שמש און קהל גערודפט געוואָרן.

(23 אין יענע צייטן זיינען נאָך קיין סטערעאָטיפּן נישט געווען, און אויב אַלע עקזעמפּליאַרן פון אַ ספר זיינען פאַרניכטעט געוואָרן און דער מחבר האָט דעם כתב־יד נישט געהאַט, האָט ער אים שוין נישט געקאָנט איבערדרוקן. חוץ דעם האָט דאָס פאַרברענען דעם „מגלה טמירין" נאָכן צאָלן פאַר אים דריי רענדלעך געהאַט אַ זייער גרויסן דעמאָנסטראַטיוון כאַראַקטער.

(24 בקיצור איז די דאָזיקע מעשה איבערגעגעבן געוואָרן אין דעם דייטש־יידישן וואָכנבלאַט „אָריענט" נומער 35 פון יאָר 1844. טוגענדהאַלד האָט געענטפערט אויף דעם אין דעם זעלבן וואָכנבלאַט נומער 36 פון יאָר 1844. אין זיינע שריפטן דערציילט ער די גאַנצע זאַך אויספירלעך.

אַרויסגענומען פון אַלמאַנאַך צום צעניאָריקן יובילעום פון דער וואַרשעווער יידישער צייטונג „מאָמענט". דער אַלמאַנאַך איז דערשינען אין יאָר 1918.



וואַרשעווער יידן
פון יאָר 1863

(רעפּראָדוקציע פון בילד
פון אַרטור גראָטנער)

אברהם ביק (ניו־יאָרק)

עטאַפּן פון חסידיזם אין וואַרשע

(מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון חסידות אין פּוילן)

דער חסידיזם שטעלט מיט זיך פאָר אַ רעליגיעזע שפּאַלטונג, וועלכע איז רײַף געוואָרן אויפן קריזיס פון ייִדישע קהל. אונטער זײַן רעליגיעזער אויסערלעכער פאָרעם דאַרף מען דערקענען דעם מאַטעריעלן אינהאַלט. די לײַדנשאַפטלעכע שטרײַטן וועגן דער באַציִונג פון מענטש צו גאָט האָבן באַהאַלטן הינטער זיך געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן פון מענטשן. דער חסידיזם איז פון אָנהייב אָן געווען דער אידעאָלאָגישער אויסדרוק פון דער אָפּאָזיציע קעגן דעם רבניזם, וועלכער האָט אָפּגעשפּיגלט די אינטערעסן פון דער הערשנדיקער גרופּע אין דער געמיינדע. דעריבער איז דער חסידיזם געווען אַ באַוועגונג אין דער געמיינדע גופא און נישט אויסער דער געמיינדע.

די נײַע לערע און אָנפירונג פון דער חסידישער סעקטע האָבן אין אַ געוויסער מאָס אונטערגעגראָבן די דורותדיקע רבניש־קהלשע פעסטונג, און דערמיט גופא האָט די חסידישע אָרגאַניזאַציע שוין באַדאַרפט געווען באַקומען אַ צוציִונגס־קראַפט פאַר אַלע אומרויִקע עלעמענטן אינעם ייִדישן לעבן, וועלכע האָבן געליטן פונעם רבניש־קהלשן דעספּאָטיזם און ווילקיר און האָבן געטרוימט וועגן אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם אומדערטרעגלעך שווערן יאָך.

אין אַ היפּש באַדײַטנדיקער מאָס האָט די קהלש־רבנישע מאַכט זיך באַזירט אויף דער מאָנאָפּאָליזירונג בײַם באַפרידיקן די געזעלשאַפטלעך־רעליגיעזע באַדערפנישן, וואָס זיי האָבן פאַרכאַפּט אין זייערע הענט. און האָט עמעצער געפּרוּווט נאָר „ווידערשפּעניקן” און זיך שטעלן קעגן דעם „הייליקן בונד” פון ראַבינאַט און קהל, האָט מען אַזאַ איינעם נישט צוגעלאָזט צו דער באַפרידיקונג פון זײַנע געזעלשאַפטלעכע און רעליגיעזע הצטרכותן, ווי למשל דאַוונען אין שיל, קוילן אַן עוף בײַם שוחט, און אַזוי ווייטער.

שוין מיטן עצם פאַקט פון גרינדן אייגענע מנינים און קלײַזלעך, זאָל זײַן אפילו צוליב דעם נײַעם נוסח פון דאַוונען אָדער פון באַשטימען אייגענע שוחטים, זאָל זײַן אפילו צוליב דעם נײַעם אופן פון שאַרפן די חלפים, האָט די נײַע חסידישע סעקטע אַרויסגעריסן בײַ דער קהלש־רבנישער אַליאַנץ דאָס סאַמע שאַרפסטע געווער וואָס פלעגט דורך איר אָנגעווענדט ווערן קעגן „ווידערשפּעניקע” און „נישט־געהאָרכזאַמע”. די לעצטע האָבן איצט שוין געהאַט צו וועמען זיך צו צוטוליען און זיך צו ווענדן אין פאַל פון „חרם”, און זיי האָבן שוין מער קיין מורא נישט געהאַט צו ווערן איזאָלירט פונעם כלל.

דערמיט דערקלערט זיך פאַר וואָס די קהלש־רבנישע אינסטיטוציעס האָט פון דער ערשטער מינוט דערשפּירט אַז אינעם חסידיזם שטעקט אַ גרויסע געפאַר פאַר איר אומבאַגרענעצטער ווילקירלעכער הערשאַפט, און זי האָט אין משך פון די לעצטע יאָרצענדליקער פונעם 18טן יאָרהונדערט געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דער נײַער סעקטע, און זי האָט אין דעם דאָזיקן קאַמף אָנגעווענדט די סאַמע שאַרפסטע, עקסטרעמסטע מיטלען פון איר סקאַרבאָוון אַרסענאַל; און פון דער אַנדערער זײַט — פאַר וואָס די אָפּאָזיציאָנעלע בעל־מלאכישע שיכטן האָבן אין זייער קאַמף קעגן תקיפות פון קהל אין אַ סך פאַלן זיך גרופּירט אַרום דער נײַער חסידישער אָרגאַניזאַציע.

דערמיט דערקלערט זיך אויך וואָס דער חסידיזם האָט אָנגעהויבן זײַנע אַטאַקעס גראָד פון דעם שוואַכסטן רינג אין דער קהלש־רבנישער פעסטונג — פון פּאָדאָליע, וועלכע איז אַ דאַנק דער טערקישער אָקופּאַציע, וועלכע האָט געדויערט פון 1672 ביז 1699, געווען צײַטווײַליק אָפּגעריסן פון די צענטראַלע וועדישע אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און די קהלש־רבנישע אָרגאַניזאַציע איז דאָרט געווען אַ סך שוואַכערע און ס'איז לײַכטער געווען זי צו אַטאַקירן.

חסידות אין וואַרשע אינעם 18טן יאָרהונדערט.

אויפגעקומען אין אוקרײַנע האָט זיך דער חסידיזם שפּעטער לײַכט אַריבערגעוואָרפן אויף די שטעטלעך פון ווײַסרוסלאַנד און פּוילן, ווען דער קאַמף קעגן דער קהל־אָרדענונגען האָט פאַרכאַפּט די גאַנצע מאַסע פונעם ייִדנטום.

אין די אַכציקער און נײַנציקער יאָרן פונעם 18טן יאָרהונדערט באַווײַזן זיך די ערשטע שפּראָצונגען פונעם חסידיזם אין וואַרשע.

די ערשטע וואַרשעווער חסידים האָבן זיך רעקרוטירט פון אָרעמע בעל־מלאכות און קליינבירגער. עס איז דעריבער קיין ווּנדער נישט וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן קעגן זיך ביטערע רדיפות מצד די רבנים און דעם קהל.

אין יאָר 1780 איז אין פּראַגע פאָרגעקומען אַ וויכוח צווישן דעם בריסקער רב אברהם קאַצענעלבויגן און לוי יצחק פון זשעלעכאָוו, שפּעטער באַקאַנט אַלס לוי יצחק באַרדיטשעווער. פון אַ קול־קורא, אָדער פּאַמפלעט, וואָס דער בריסקער האָט אַרויסגעגעבן, איז צו זען אַז דער מתנגד האָט באַזיגט דעם חסיד אין דעם וויכוח, „ווײַל עס איז באַקאַנט אויך אין גאַנצן לאַנד — שרײַבט קאַצענעלנבויגן — אַז איך האָב זיך מתווכח געווען און האָב מנצח געווען יצחק דעם זשעלעכאָווער, דעם הויפּט פון זייער באַנדע אין וואַרשע” (זע אברהם לוינסון „תולדות יהודי וורשה”, עם עובד, תל אביב, תשי”ג).

דער בריסקער רב האָט פאָרגעלייגט די וואַרשעווער חסידים נאָך אַ וויכוח, אין דער אַנוועזנהייט פון חשובע בעלי־בתים אָבער לוי יצחק האָט נישט געוואָלט נאָך אַ מאָל אויפטרעטן אין דער עפנטלעכקייט און האָט פאָרגעלייגט אַ וויכוח דורך שריפט.

די לײַדנשאַפטלעכקייט מיט וועלכער עס איז געפירט געוואָרן דער וויכוח וועגן הימלישע פראַגעס זאָגט עדות אַז הינטער זיי איז געווען פאַרבאַהאַלטן אַ קאַמף פאַר מאַטעריעלע אינטערעסן.

אין שפּיץ פון די חסידים אין וואַרשע איז דעמאָלט געשטאַנען יצחק בנימין וואָלף, אַ פעטער פון באַרימטן חסידישן רבין בונעם פּשיסכער, וואָס איז פאַררעכנט ווי דער גרינדער פון חסידיזם אין קאָנגרעס־פּוילן. אין זייער מלחמה קעגן די מתנגדים האָבן די פּראַגער־וואַרשעווער חסידים געפונען אַ שטיצע אין דעם באַקאַנטן פּראַגער־וואַרשעווער נגיד שמואל זביטקעווער און זײַן שניר, דער באַרימטער וואַרשעווער נגידותטע טעמערל. צוליב זייער קעגנערשאַפט צו די קהל־פירער פון וואַרשע האָבן זיי געשטיצט די חסידים.

שמואל זביטקעווער איז אַ לעגענדאַרע פיגור אין דער געשיכטע

פון ייִדן אין פּוילן. אין 1794 ווען גענעראַל סוּוואָראָוו האָט געשטורעמט וואַרשע־פּראַגע, האָט לויט דער לעגענדע שמואל זביטקעווער אוועקגעשטעלט פעסער מיט גאָלדענע רענדלעך פאַר פּדיון־שביום, געצאָלט אַ רענדל פאַר אַ טויטן ייִדן, און צוויי פאַר אַ לעבעדיקן ייִדן וואָס זענען אַרײַנגעפאַלן צו די קאָזאַקן.

שפּעטער האָבן חסידישע ייִדן, אונטער דער אָנפירונג פון דעם פּויליש־ייִדישן פּאַטריאָט בערעק יאָסעלעוויטש, מיליטעריש אָרגאַניזירט אַ פּאָלק פון לײַכטע קאַוואַלעריע און ביזן לעצטן אָטעם פאַרטיידיקט קאָשציושקאָס אויפשטאַנד אויף פּראַגע, און געטריבן אין איינעם מיטן אויפגעשטאַנענעם פּוילישן פאָלק די צאַרישע קאָזאַקן.

שמואל זביטקעווער האָט געוווינט אין פּראַגע און האָט דאָרט קאָנצענטרירט זײַנע אַלע אונטערנעמונגען. פּראַגע האָט דעמאָלט געהאַט אַן אייגענע חסידישע שיל, געגרינדעט טאַקע דורך שמואלן, וואָס מען האָט אין די אַקטן גערופן „שמואלס שיל" (זע עקאָנאָמישע אַקטן" נומער 1120, ציטירט אין „היסטאָרישע שריפטן" ייוואָ, ווילנע 1937, צווייטער באַנד). אין דער דאָזיקער שיל זענען פאָרגעקומען די וויכוחים צווישן די חסידים און מתנגדים.

דער גערער רבי בעת
אַ שפּאַציר און אָטוואָצק
(וואַרשע)

אַ באַזונדערע ראָלע אין פּוילישן חסידות האָט געשפּילט די דערמאָנטע טעמערל — שמואל זביטקעווערס שניר. די חסידים האָבן זי באַצייכנט ווי „די קלוגסטע פרוי פון איר צײַט" און רבײַים און חסידים פלעגן פאָרפאָרן צו איר כּדי צו פרעגן אַן עצה. מען דערציילט אויך אַז טעמערל פלעגט פאָרן צום קאָצקער רבין ר' מענדל מאָרגענשטערן, פלעגט מיטברענגען טײַסטערס געלט, פולע מיט גאָלדענע רענדלעך, און זי פלעגט אָנזעטיקן און אָנקליידן די קרוע־ובלועהדיקע, הונגעריקע חסידים וואָס האָבן געקלאַפּט אין רבינס טיר ווי אין אַ טויבער וואַנט, און זענען נישט געענטפערט געוואָרן.

בײַם קאָצקער — שפּינט זיך ווײַטער די חסידישע לעגענדע — האָט אָבער טעמערל קיין ראָלע נישט געשפּילט. געלט איז עולם־הזה, און דער קאָצקער איז נישט געקומען אויף דער וועלט צו טיילן חסידים עולם־הזה. אין אַ שיינעם טאָג האָט ער די וואַרשעווער־פּראַגער נגידה פאַרטריבן, און זי איז אַוועק צו אַן אַנדערן רבין, מרדכי יוסף פון איזשביצע בײַ דער ווײַסל... (זע „חסידות־מאָטיוון" פון אַברהם ביק, איקוף, נ"י, 1944).

וואַרשעווער חסידות אינעם 19טן יאָרהונדערט

אינעם 19טן יאָרהונדערט ווערט דער הויפּטפירער פון וואַרשעווער חסידות ר' יצחק מאיר אַלטער, שפּעטער באַקאַנט אַלס ר' איטשע־מאיר גערער, דער פאָטער פון דער גערער דינאַסטיע. ער האָט חתונה געהאַט פאַר דער טאָכטער פון וואַרשעווער גביר משה חלפן, איז צום ערשט געפאָרן צום קאָצקער רבין און נאָך זײַן טויט האָט ער איבערגענומען די פירערשאַפט פון די קאָצקער חסידים און געגרינדעט דעם באַרימטן גערער הויף.

בעתן פּוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1831 האָבן זיך וואַרשעווער ייִדן געשטעלט צום קאַמף. דאָס מאָל האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אַ סך חסידים. יצחק־מאיר אַלטער האָט באַאיינפלוסט זײַן שווער דעם נגיד משה חלפן, ער זאָל לײַען די פירער פונעם אויפשטאַנד געלט אָן פּראָצענט. בײַם אויסבראָך פון דעם אויפשטאַנד האָבן יצחק־מאיר און זײַן רבי מענדל מאָרגענשטערן פון קאָצק זיך געשטעלט אויפן צד פון די בונטאַרן און האָבן דערפאַר געמוזט אַנטלויפן קיין אויסלאַנד (גאַליציע, וואָס האָט געהערט צו עסטרייך). זיי האָבן זיך אומגעקערט מיט נײַע נעמען (יצחק־מאיר האָט פריִער געהייסן ראָטענבערג און מענדל מאָרגענשטערן — האַלפּערן).

אויך אין דעם אויפשטאַנד פון 1863, וואָס איז אַרײַן אין דער פּוילישער און ייִדישער געשיכטע אונטערן נאָמען „די תקופה פון פּויליש־ייִדישער פאַרברידערונג", האָבן די חסידים אָנטייל גענומען. יצחק־מאיר אַלטער איז צוגעצויגן געוואָרן צום אויפשטאַנד דורך דעם באַקאַנטן ייִדישן פירער פונעם אויפשטאַנד, דעם וואַרשעווער רב בעריש מייזעלס.

אין דער צײַט פונעם ערשטן אויפשטאַנד אין 1831 זענען נאָך די וואַרשעווער חסידים שטאַרק באַקעמפט געוואָרן דורך די מתנגדים. די מתנגדים האָבן שוין מער נישט געפירט מיט די חסידים קיין וויכוחים. זיי האָבן זיך גענומען באַנוצן מיט מסירות.

אין יאָר 1834 האָט דער קאָמיטעט פון די וואַרשעווער שילן צוגעשטעלט צום הויפּט פון דער וואַרשעווער פּאָליציי אַזאַ מעמאָראַנדום:

„שוין אַ צײַט אַז פון דער פּראָווינץ שטראָמען אַהער ייִדן וואָס צירן זיך אויס אין טיטלען און קוועטשן אויס געלט פון די לײַכט־גלייביקע דורך צוזאָגן רפואות צו קראַנקע, קינדער צו פרויען־עקרות, שלום־בית אא"וו. מיט פופציק יאָר צוריק איז, צו אונדזער גרויסן באַדויערן, אויפגעקומען אין די גרענעצן פון דער מאָזאַישער רעליגיע אַ סעקטע פון חסידים. די דאָזיקע סעקטע האָט זיך צעצווײַגט אין פאַרשידענע טיילן, וואָס באַקעמפן איינע די אַנ־

דערע. אַ טייל רופן זיך קאָצקער, אַנדערע פשיסכער אאַ"וו. די דאָזיקע שאַרלאַטאַנעם געפינען גלייך אַנהענגער וואָס פאַרשפרייטן זייער תורה צווישן פאָלק. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט אַז פרויען שלעפן אַרויס באַהאַלטענערהייט געלט פון זייערע מענער און גיבן עס אַוועק די אָפנאַרער, וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר צדיקים, און יונגע מענטשן אָרדענען אײַן אין די דירות באַגעגענישן. דער קאָמיטעט פון די וואַרשעווער שולן מאַכט אויפמערקזאַם אַז די דאָזיקע מעשים ווירקן שלעכט אויפן פאַמיליע-לעבן און אויף די שטייערן פון דער מלוכה, און בכלל פירן זיי צו מאָראַלישער פאַרדאַרבונג. מיר זענען זיכער אַז זײַן עקסעלענץ, דער גענעראַל, וועט זען פאַרמיידן די דאָזיקע מעשים און די פאָליציי, וואָס איז אים געהאָרכזאַם, וועט אָננעמען נייטיקע וואָרענונגס-מיטלען..." (ציטירט לויט לעווינסאָנס דערמאָנט בוך, ז' 144).

מיט וואָס דערקלערט זיך די מסירה?

די מתנגדים, ווי די ייִדישע בורזשואַזיע בכלל, האָבן, פאַרשטייט זיך, אויף זייער שטייגער געוואָלט אַרויסווײַזן „פאַטריאָטיזם" צו דער „מלוכה" און געפונען אַ געלעגנהייט זיך אונטערצוחנפהענען דעם „אוראַדניק". אָבער די אמתע סיבה צו באַנוצן זיך מיט מסירה זאָגט עדות וועגן דער מאַכטלאָזיקייט פון קהל זעלבסטשטענדיק צו לייזן זײַנע קאָנפליקטן, אָן דער שטיצע פון דער אויסערלעכער קראַפט.

דער חסידיזם אין וואַרשע, ווי אין גאַנץ פוילן, איז נישט פעיִק געווען צו שאַפן נײַע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען. ער האָט בלויז געקענט דעמאָראַליזירן, צעלייגן דעם קהל. אין זייערע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן האָבן די חסידים גאָרנישט געגעבן וואָס זאָל, לפחות אין דער ווײַטסטער מאָס, דערמאָנען די סאָציאַל-עטישע און רעליגיעז-קאָמוניסטישע טענדענצן אין וועלכע עס זענען געווען געפאַרבט פיל ראַדיקאַלע סעקטעס.

די אָנשויונגען פון די חסידים אויף אייגנטום האָבן זיך כמעט נישט אונטערגעשיידט פון די הערשנדיקע. ווײַטער פון ברייטער צדקה מצד פאַרמעגלעכע מיטגלידער, ווײַטער פון געמיינזאַמע סעודות און פאַמיליאַרישער איינפאַכקייט אין די קעגנזײַטיקע באַציִונגען (ווי דאָס אַלגעמיינע „דוצן זיך"), זענען זיי נישט דערגאַנגען.

דעריבער איז דער פאָזיטיווער סאָציאַלער אינהאַלט פונעם חסידיזם זייער קאַרג און אָרעם. די סיבה באַשטייט אינעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון די חסידישע גרופעס אויף וועלכע זיי האָבן זיך געשטיצט. די חסידים זענען געווען קליינע קרעמער און סתם ליידיקגייער, נאָענטע צו דער קליינבירגערלעכער מאַסע.

אינעם 19טן יאָרהונדערט הייבט זיך אָן דער חסידיזם אין וואַרשע אַראָפצוקייקלען צום מיסטיפיקאַטאָרישן דינאַסטיע-צדיקיזם, וואָס עקספלואַטירט די אומוויסנסייט און פינצטערקייט פון די מאַסן און פלאַנצט אײַן פינצטערן אָבסקוראַנטיזם.

יצחק-מאיר אַלטער הייבט אָן אַ קאַמף קעגן דער פאַראָרדענונג פון דער רעגירונג צו ענדערן די ספעציפיש-ייִדישע הלבשה פון זײַדענע בעקעשעס און שטרײַמלעך, אונטער דער שטראָף, אַז די וואָס וועלן נישט אויספאָלגן זאָלן צאָלן אַ באַזונדערן שטײַער. יצחק-מאיר אַלטער האָט פאַראָרדנט די חסידים צו גיין אויף קדוש-השם און נישט אויסצוטאָן די שטרײַמלעך, די קאַפאָטעס און די ווײַסע זאָקן...

די גזירה איז באַלד בטל געוואָרן און דער איינפלוס פון חסידיזם האָט זיך געשטאַרקט.

די הכנעה פאַר דער אַלמעכטיקייט פון רבין, דאָס אָנערקענען פדיונים, די אָבערגלייבערישע באַציונג צו ניסים, האָבן געשאַפן צווישן דער חסידישער מאַסע אײַנגעשפאַרטע און פאַנאַטישע קעגנער פון פאָרגעשריטענע וועלטלעכע אידעעס.

וואַרשעווער חסידות אינעם 20טן יאָרהונדערט

צוזאַמען מיטן זיג, וואָס יצחק-מאיר אַלטער און די וואַרשעווער חסידים האָבן אָפגעהאַלטן אין די לעצטע יאָרן פונעם נײַנצנטן יאָרהונדערט, האָט זיך אויסגעוועפט דער אַמאָליקער דעמאָקראַטישער גייסט פון חסידיזם.

פון אַלע אָפצווײַגונגען און ריכטונגען אויף וועלכע דאָס וואַרשעווער חסידות האָט זיך אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט צעשפאָלטן — גערער, סקערניעוויצער, קאָזשעניצער און ראַדזימינער שטיבלעך, האָט בלויז איין ריכטונג, ווי מיר וועלן שפעטער זען, אײַנגעהיט די אָנפאַנגלעכע ריינקייט און דעמאָקראַטישקייט פון דער חסידישער באַוועגונג. דאָס זענען געווען די בראַצלאַווער אָדער די „טויטע חסידים".

די גרעסטע ווירקונג אויף חסידות אין וואַרשע האָט געהאַט דער דערבײַיִקער גערער הויף, אונטער דער פירערשאַפט פון די גערער רביים, יהודה-לייב אַלטער און זיין זון אברהם-מרדכי אַלטער.

דער גערער הויף האָט געפירט אַן אמתע קלעריקאַלע הויף-פאָליטיק און אויפגעפאָדערט זײַנע חסידים צו זײַן העכסט לאָיאַל צו דער רעגירונג, באַזונדערס אין די צײַטן פון פילסודסקי-רעזשים. מיט וואָס דערקלערט זיך דער פאַטריאָטיזם פון גערער רבין בנוגע צו אַ לאַנד וואָס האָט באַהאַנדלט ייִדן ווי שטיפקינדער? די נעאָ-רעליגיעזע ייִדישע היסטאָריאָגראַפן דערקלערן אַז דער גערער רבי האָט כלומרשט מקריב געווען די פרײַהייט צוליב דער רעליגיע. ער קורסים, וואָס שטייען אויף נישט נאָר קעגן דער ערדישער, נאָר האָט געהאַלטן די קעגנער פון דער מלוכה פאַרפרײַדענקער און אַפיאויך יענע דער הימלישער מאַכט. דאָס דערקלערט נאַטירלעך גאָרנישט. רי סיבה ליגט דערין וואָס דער גערער הויף, צוזאַמען מיט אַנדערע חסידישע הויפן איז שוין דעמאָלט געווען אַ נגידישע מאַכט, וועמענס פאָליטיק האָט פולשטענדיק האַרמאָנירט מיט דעם רעאַקציאָנערן פוילישן רעזשים.

די קלעריקאַלע אָרגאַניזאַציע „אגודת-ישראל" האָט אין די צוואַנציקער יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט געהאַט איר טעגלעכע צייטונג דער „טאָגעבלאַט". אין די חסידישע שטיבלעך האָט מען געלייענט „היסטאָרישע ראָמאַנען" און געפירט פראָפאַגאַנדע פאַר די וואַלן צום סיים. דער גערער רבינס איידעם איטשע-מאיר איז אַליין געווען אַ דעפוטאַט אין סיים און די חסידים האָבן אַרויסגעשטעלט אַלס דעפוטאַטן פון ייִדישן פאָלק וואָס מער נגידים.

דער דעמאָקראַטישער תוך פון די ערשטע וואַרשעווער חסידים אין די יאָרן 1794, ייִדן מיט באָרד און פאות, אין קאַפאָטעס, וואָס זייערע פאָלעס זענען אײַנגעשטעקט געוואָרן אין די גאַרטלען און וועלכע זענען אַרויס אויף די וואַרשעווער גאַסן אין איינעם מיטן אויפגעשטאַנענעם פוילישן פאָלק קעגן די צאַרישע חיילות, — דער גייסט איז שוין אָנהייב 20טן יאָרהונדערט געווען פאַרשוווּנדן, און זיין אָרט האָט פאַרנומען אַ נייע הערארכיע פון רביים. אין די וואַרשעווער הויפן האָבן זיך באַוויזן פאַרשידענע רביים און יעדער רבי האָט זיך באַמיט מיט פאַרשידענע מיטלען צו פאַרגרעסערן זײַן הויף, כדי אַזוי אַרום באַפעסטיקן זײַן השפעה. אַזוי איז אַנטשטאַנען אַ באַזונדער הויף-פאָליטיק, וואָס האָט אײַנגעשפאַנט די מאַסן אין וואָגן פון גבירים און תקיפים, סאַטראַפן אין ייִדישן לעבן.

די רעשטן פון אַמאָליקן חסידישן דעמאָקראַטישן כאַראַקטער האָבן בלויז געטליִעט אין איין חויף, און דאָס זענען געווען די בראַצלאַווער אָדער, ווי זייערע קעגנער האָבן זיי גערופן, די „טויטע חסידים", ווײַל זייער גרינדער נחמן בראַצלאַווער, האָט נישט געוואָלט לאָזן נאָך זיך קיין יורש, נאָר אָנגעזאָגט אַז די חסידים זאָלן פאָרן עטלעכע מאָל אַ יאָר אויף זײַן קבר.

די „טויטע חסידים" אין וואַרשע

די בראַצלאַווער חסידים זענען געווען די ייִנגסטע חסידישע סעקטע. נאָך דער סאָוועטישער רעוואָלוציע זענען אַ סך בראַצלאַווער חסידים אַריבערגעקומען פון אוקרײַנע קיין וואַרשע און האָבן דאָ געשאַפן זייער שטיבל, וואָס איז באַרימט געווען אין גאַנץ פוילן.

זיי האָבן געהאַט אַן ענג שילעכל, וואָס איז באַשטאַנען פון בלויז עטלעכע חדרים און זייער צאָל איז געווען אַ צענדליק מנינים, אַ הונדערט חסידים.

דאָס אָרעמע שילעכל איז געווען באַהאָנגען מיט אויסצוגן פון נחמן בראַצלאַווערס ספרים און פסוקים. די ווערטער וואָס האָבן פאַרלאַנגט פונעם חסיד, האַרץ, נשמח-ערלעכקייט און אחדות.

יעדער איינער וואָס פלעגט באַזוכן די דאָזיקע סעקטע איז פאַרכאַפט געוואָרן פון זייער ברען, פונעם חסידישן עקסטאַז, פון

זייער פײַערדיקער התלהבות. און די באַזוכער זענען געווען שרײַבער, שוישפּילער, געזעלשאַפטלעכע טוער.

אָט ווי אַ וואַרשעווער שרײַבער שילדערט דעם צענטער פון די „טויטע חסידים" אין וואַרשע ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה:

„ווי די חסידים האָבן אַריבערגעטראָטן די שוועל, האָבן זיי ווי פאַרגעסן פון אַלע צרות, נויט, זאָרגן, און זענען גלײַך ווי איבערגעוואַנדלט געוואָרן אין אַנדערע, העכערע מענטשן.

... אָבער דער עיקר איז געווען דער טאַנץ, וואָס איז געקומען נאָכן דאַווענען. מ'האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן מנחה אָדער מעריב, און שוין האָט איינער אָנגעהויבן דעם באַוווּסטן ר' נחמן־ניגון. אָנגעהויבן אַזוי שטיל, פּאַמעלעך, ווי פאַרשעמט. און עס האָבן גלייך אונטערגעכאַפּט נאָך אייניקע, און באַלד אַלע. און שוין זענען הענט געווען געשלאָסן צו הענט. און הענט אויפן צווייטנס אַקסל, און שוין אין אַ ראָד, ווי רינגען אין אַ קייט, און ס'איז שוין דאָ אַן עיגול, אַ קרייז אַרום באַלעמער־טיש, און ס'הייבט זיך אָן דער טאַנץ, וואָס איז בײַ די בראַצלאַווער גאָר אַנדערש ווי אַ געוויינלעכער טאַנץ. מ'גייט נישט אַרום און אַרום, מ'באַוועגט זיך נישט אין דעם קרייז, נאָר מ'טאַנצט אויף איין אָרט אַרויף און אַראָפּ. און וואָס ווײַטער וואַקסט שטאַרק דער עקסטאַז, וואָס ווײַטער — מיט מער היץ, מיט מער ברען. פון פרייד הערט מען קרעכצן, זיפצן, און ס'איז ווי מ'וואָלט אַראָפּגעוואָרפן די שווערע יאָכן, אַל די פּלאָגן. און אַלט און יונג, געזונטע און שוואַכע — אַלע האָבן געטאַנצט, אויסגעדריקט זייער אינעווייניקסטע פרייד און זייער ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט פאַרן הייליקן אָנדענק פונעם רבין נחמן ...

אין דעם בראַצלאַווער שטיבל זענען אויך געווען צוויי שאַפעס, פירעקיקע ווי היגע טעלעפאָן־בײַדלעך. דאָס זענען געווען פּלעצער פאַר פּראַווען התבודדות, און יעדער פון די בראַצלאַווער פלעגט זיך פון צײַט צו צײַט פאַרשפאַרן אין אָט דעם ענגן בײַדל, און מ'האָט געהערט פון דאָרט אַ וויינען, אַ קלאָגן זיך אויף אייגענער שפלות, אויף אייגענער געפאַלנקייט" ... (נחמן מייזל, ייִדישע קולטור מײַ, 1944).

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן אַז ווען עס איז אָנגעקומען די היטלעריסטישע אינוואַזיע אויף וואַרשע און עס איז אײַנגעשטעלט געוואָרן די געטאָ, האָבן די בראַצלאַווער אַרויסגעהאָנגען אַן אויפרוף מיט אַ פּראַזע פון זייער רבינס אַ ספר, וואָס האָט זיך געלייענט: גוואַלד, ייִדן, זײַט זיך נישט מיאש! ...



יונגע חסידים

פּ. קאַץ (בוענאָס־איירעס)

וואַרשע דער צענטער פֿון השׂכּלה

די השׂכּלה, די שטרעבונג בײַ ייִדן צו וועלטלעכער בילדונג און צו רעליגיעזע, דערציִערישע, ווירטשאַפטלעכע און שטייגערישע רעפאָרמען, וואָס האָט אָנגענומען די פאָרעם פון אַ באַוועגונג, אין די ייִשובים פון ייִדישער רעכטלאָזיגקייט, זינט דער מיט פונעם 18טן ביזן סוף פונעם 19טן י"ה, ווען זי האָט אָפּגעטראָטן דאָס פּלאַץ פאַר די מאָדערנע סאָציאַלע און קולטור־באַוועגונגען בײַ ייִדן, האָט אין וואַרשע געהאַט איינעם פון אירע וויכטיקסטע צענטערס.

טייל געשיכטע־שרײַבער שרײַבן צו דעם וואַרשעווער צענטער אָדער צווײַג פון דער השׂכּלה אַ באַזונדערן כאַראַקטער, וואָס טיילט אים אויס פון אַנדערע השׂכּלה־צווײַגן מיט זײַן עקסטרעמקייט וועלכע האָט זײַנע אָדעפּטן, די משׂכּילים, געפירט צו דער אַסימילאַציע און אַפילו צו שמד. דאָס זאָל אויך געווען זײַן דער מאָטיוו וואָס גראָד אין וואַרשע, ווו דער חסידיזם האָט געהאַט זײַן שטאַרקסטע פעסטונג אין משך פונעם גאַנצן 19טן יאָרהונדערט, האָבן די משׂכּילים ווינציקער ווי אין אוקראַיִנע און וואָלין און אויך ווינציקער ווי אין גאַליציע, געפירט קעגן אים זייער קאַמף. אין וואַרשע, זאָל עס הייסן, זענען די משׂכּילים געגאַנגען דירעקט צו זייער „ציל"... טייל ווײַזן אָן אַז אויך די חסידים אין וואַרשע האָבן זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קעמפערישקייט קעגן דער השׂכּלה און האָבן געלעבט זײַט בײַ זײַט מיט איר בשלום.

עס פעלן נישט קיין בײַשפּילן אינעם וואַרשעווער השׂכּלה־צווײַג, און דאָס אייגענע אין דער וואַרשעווער חסידות, וואָס קענען דינען אַלס גרונד פאַר אַזאַ באַטראַכטונג, און מען קען אַפילו אָנווײַזן די באַדינגונגען אינעם לעבן פון די וואַרשעווער ייִדן וואָס זאָלן אַזוי אָדער אַנדערש באַרעכטיקן אַזאַ דערשיינונג: פון איין זײַט דער דראַנג פון דער אינדיווידואַליסטישער וואַרשעווער רײַכער ייִדישער בורזשואַזיע אַרויסצורײַסן זיך פון איר רעכטלאָזיקייט אויף אַן אינדיווידועלן אופן און פון דער אַנדער זײַט די צופּאַסונג פון וואַרשעווער חסידישע רבּיים צו די פירונגען פון די רײַכע וואַרשעווער ייִדן.

נאָר השׂכּלה איז זייער אַ צעצויגענער באַגריף, בפרט ווען עס איז פאַראַן די טענדענץ אים אויסצוציִען און אים אַרײַנצוציִען און אויסמישן מיט אַנדערע באַגריפן. אין דעם פרט: מיט אַסימילאַציע און שמד, ווי עס טוען למשל די ציוניסטישע פּובליציסטן. דאָס אייגענע איז ביז גאָר צעצויגן דער באַגריף וואַרשע.

די השׂכּלה האָט אַרומגענומען נישט נאָר יענע רײַכע וואַרשעווער ייִדן וואָס זייערע געשעפטלעכע פאַרבינדונגען האָבן זיי דיקטירט אײנציקווײַז און פּאַמעלעך זיך אָפּצוזאָגן פון זייער ייִדישקייט, אָנהייבנדיק פון די קאַפּאָטעס מיט די פּיאות, פון שבת און פון ייִדיש, פון ייִדישער נאַציאָנאַליטעט העט ביז פון משהס גלויבן (מאָיזשעשאָוועגאָ וויזנאַניאַ) ביי דער ערשטער אָדער איבערגעחזרטער שווערִיקייט, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג צו זייער סאָציאַלן שטײַגן, און זיי אָדער עמעצער האָט זייער בגידה אַ נאָמען געגעבן השׂכּלה.

און וואַרשע האָט אין זיך אַרײַנגענומען גרויסע מאַסן אָרעמע און מיטעלע ייִדן, דאָרט געבוירענע אָדער אַריבערגעקומענע פון די שטעט און שטעטלעך פון גאַנץ פּוילן און אויך פון ליטע, ווײַסרוסלאַנד, פּאָלעסיע און וואָלין, וואָס השׂכּלה האָט בײַ זיי געהאַט דעם ברייטן טײַטש פון אויפקלערונג, פון וועלטלעכן וויסן, פון באַציִונג מיט דער גרויסער וועלט, פון קולטורעלער איבערדערציִונג און סאָציאַלן איבערבוי; דאָס אַלץ וואָס האָט זיך שפּעטער אַרײַנגעגאָסן און זיך איבערגעפורעמט אין די פאַרשידענע ריכטונגען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פּוילן.

ד"ר י. צינבערג אין זײַן „געשיכטע פון דער ליטעראַטור בײַ ייִדן", דערקלערט דעם באַזונדערן כאַראַקטער פון דער השׂכּלה אין פּוילן מיט דער שכנותדיקער לאַגע פון פּוילן צו פּרײַסן. „די אָפּטע האַנדלס־באַציִונגען מיט די וויכטיקע פּרײַסישע צענטערס — שרײַבט ער — האָבן מיטגעווירקט וואָס די השפּעה פון דער „בערלינער השׂכּלה" האָט זיך שוין געלאָזט באַמערקן אין די אייבערשטע שיכטן פון דער וואַרשעווער קהילה בעת וואַרשע איז נאָך געווען די רעזידענץ פון דער פּוילישער מלוכה. דער דאָזיקער פּראָצעס איז נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן נאָך 1795, ווען וואַרשע איז, נאָך דער דריטער פּוילן־צעטיילונג, איבערגעגאַנגען צו פּרײַסן. דער האַנדלס־פאַרקער צווישן וואַרשע און בערלין האָט זיך דורך דעם באַדייטנדיק געשטאַרקט, און פיל פּרײַסישע ייִדן עפענען אין וואַרשע אייגענע געשעפטן. עס גענוגט אָנצוווײַזן אַז אין 1799 האָבן אין וואַרשע פונקציאָנירט דרײַצן ייִדישע בענק, מערסטן טיילס געעפנט דורך פּרײַסישע ייִדן. און סוף 18טן יאָרהונדערט ווערט אין וואַרשע געגרינדעט אַ רעפאָרמירטע „דײַטשע" סינאַגאָגע מיט דײַטשע פּריידיק..."

נאָכדעם ווי ד"ר י. צינבערג רעכנט אויס אַ רײ פאַקטן וואָס באַשטעטיקן דאָס געזאָגטע דהיינו: אַ ווענדונג פון דער וואַרשעווער קהילה צו די בערלינער ראָשי־קהילה, ווי צו „קרובים למלכות" און ווי צו אַפּוטרופּסים איבער די פּוילישע אָסט־יודען, זיי זאָלן שטיצן זייער ביטע צו דער פּרײַסישער מאַכט וועגן פאַרברייטערן זייערע בירגעררעכט; די ווענדונג פון דעם פּרײַסישן מיניסטער פאָס צו דוויד פרידלענדער, דעם פירער פון דער בערלינער השׂכּלה, ער זאָל זיך אַרויסזאָגן וועגן „דעם יודען־רעגלאַמענט" פון וואַרשע; אַ ווענדונג פון דעם פּוילישן ביסקופּ מאַליטשעווסקי שוין אין 1815, צו דעם זעלבן פרידלענדערן וועגן זײַנער אַ מיינונג, ווי פון אַן אָנערקענטן ייִדישן גייסטיקן פירער; די גרינדונג פון דרײַ וועלטלעכע שולן אין וואַרשע דורך דעם משׂכּיל יעקב טוגנדהאָלד, לויטן בערלינער מוסטער; די גרינדונג פון דער צייטונג „דער באָאַבאַכטער אַן דער ווייכסל" פון אַנטאָני אייזענבאַום מיט ייִדישע אותיות אין דייטש, מיט דעם ציל „צו פאַרדרענגען דעם פאַרקריפּלטן זשאַרגאָן", די פּריווילעגיע פון דײַטש — נאָר נישט ייִדיש — בײַם לערנען רעליגיעזע לימודים אין וואַרשעווער ראַבינער־שול, וואָס האָט אין משך פון אירע כמעט פערציק יאָר עקסיסטענץ נישט אַרויסגעלאָזט קיין איין ראַבינער; די אויסגאַבע פון חומש מיטן ביאור אין מענדעלסאָנס דײַטשער איבערזעצונג, וואָס אין איר הקדמה זאָגן די אַרויסגעבער — צווישן זיי דער בעל־טאַקסע טעאָדאָר (טעבל) טעפּליץ, וואָס האָט די אויסגאַבע פינאַנצירט, — אַז דאָס וועט אָפּגעווינען ייִדן פון זייער פאַרדאָרבענער שפּראַך, דעם ייִדישן זשאַרגאָן, און זיי העלפן זיך באַקענען מיט דער דײַטשער שפּראַך... נאָך דעם אַלעמען שטרײַכט ד"ר י. צינבערג אונטער:

„אין פּוילן ווי מיר זעען, האָט די אויפקלערונגס־באַוועגונג אָנגענומען גאַנץ אייגנאַרטיקע פאָרמען. אין דער הויפּט־שטאָט, אין

וואַרשע, האָט זיך געבילדעט אַן אייבערשטע שיכט גרויס־בורזשואַזיע, ייִדישע באַנקירן, פאַבריקאַנטן, גרויסע סוחרים און זייערע אַגענטן, וואָס האָבן צוליב געשעפט זיך געגייטיקט אין אייראָפעיִשער בילדונג, האָבן זיי זיך געפירט „דײַטש", געווען אין אַ באַדייטנדיקער מאָס אַסימילירט. די הויפטמאַסע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין וואַרשע גופא און בפרט אין דער פראָווינץ, האָט זיך אָבער געפירט נאָך אויפן אַלטן שטייגער, און אַזוינע אויפקלערער ווי אייזענבאַום, טעפליץ, בוכנער וכדומה האָבן אויף זיי געהאַט אַ גאַנץ קנאַפע השפעה. זיי האָבן פאַקטיש זיך נישט געקענט צונויפרעדן, עס זענען געווען צוויי גאַנץ באַזונדערע וועלטן...

ד"ר י. צינבערג איז דערבײַ בלויז נישט פאָרזיכטיק, ערשטנס מיט דעם פאַראַלגעמיינערונג: „אין פוילן, וואָס ער מוז תיכף אַליין אָפווענדן מיט דער דעטאַליזירונג: אין דער הויפטשטאָט, אין וואַרשע", און מיט זיין ווייטערדיקן אָנווייזן אויף די גאָר אַנדערע משכילים, ווי דער אַפאַטאָווער משכיל יעקב רייפמאַן, וואָס איז ממשיך אין פוילן די „חכמת ישראל" פון די ברעסלויער און ווינער אָדער גאַליציאַנער משכילים; אויף חיים זעליג סלאָנימסקי, דעם ביאַליסטאָקער קלויזניק וואָס האָט שפעטער פאָפולאַריזירט אין „הצפירה" העכערע מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע אין רבנישן העברעיִש צווישן ישיבה־בחורים און קעסטאיידעמס, אויף פישל פישעלזאָן פון זאַמאָשטש, וואָס האָט געשריבן אין ייִדיש „טעאַטער פון חסידים", ווו עס פיגורירט אַ גאָר אַנדער מין משכיל, דער חקרן לייבעלע פילאָסאָף, וואָס איז אויסגעקאָכט אין דער מיטל־עלטערלעכער חקירה־ליטעראַטור; און צום סוף אויף שלמה עטינגער, דעם פאַרפאַסער פון דער סאַטירישער פיעסע „סערקעלע" און משלים אין ייִדיש, גראַד אַ געבוירענער אין וואַרשע. צווייטנס, פאַרגעסט ער אָנצומערקן אַז זײַן כאַראַקטעריסטיק באַציט זיך בלויז אויף דעם ערשטן פעריאָד פון דער וואַרשעווער השכלה.

פינקטלעכער איז דערין פראָפעסאָר אַלעקסאַנדער קרויזהאַר, פאַרפאַסער פון אַ „ייִדישער געשיכטע אין פוילן", „פראַנק און די פוילישע פראַנקיסטן", „בערעק יאָסעלעוויטשעס זון", „קראַשעווסקיס ייִדישע טיפן" א"אַ.

„אין די ערשטע פאָר צענדליק יאָר פונעם 19טן יאָרהונדערט — שרײַבט ער — איז בײַ פוילישע ייִדן געווען אַ חלום צו רעדן פלײַסיק דײַטש און זיך פאַרשכורן מיט דעם כישוף פון שילערס פאָעמעס". ער באַשולדיקט דערין דעם פאַקט וואָס „די פוילישע ייִדן האָט מען אָפגעשטויסן פון יעדן צובונד צו דער אַרומיקער קולטור; זיי זענען געצוווּנגען געווען זיך צו ווענדן צו דעם קוואַל פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן די בשורה פון גייסטיקער אויפלעבונג, ווי זי איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין די ווערטער פון לעסינגס „נתן דער חכם". די רײַכע פויליש־ייִדישע בורזשואַזיע האָט געמוזט שיקן אירע קינדער זיך בילדן אין די דײַטשע לערן־אַנשטאַלטן. דער ערשטער השכלה־פעריאָד איז געגאַנגען אין די טריט פון דער יענצײַטיקער דײַטשער קולטור־ווירקונג. די ווירקונג איז אָבער בלויז געווען אַן איבערפלעכלעכע, נישט געקוקט דערויף וואָס דער אָראַקל פון די משכילים איז געווען משה מענדעלסאָן. די ייִדיש־פוילישע אויפקלערונג האָט נישט איבערגענומען די טיפערע גרונדלאַגעס פון זײַן לערע. די ייִדישקייט אין איר רעפאָרמירטער פאָרעם, וואָס האַרמאָניזירט זי מיט דעם צײַטגייסט, איז לויט איר דערקענטעניש געווען נישט מער ווי אַן אויסערלעכער צודעק און נישט קיין גייסטיקער בונד מיט דעם ייִדישן פאָלק".

אָבער נישט אַלעקסאַנדער קרויזהאַר און נישט ד"ר י. צינבערג זענען גערעכט דערמיט וואָס זיי באַשרענקען די פוילישע השכלה אויף איין ייִדישן שיכט, דעם רײַכן, וואָס האָט געהאַט געשעפטלעכע פאַרבינדונגען מיט פרײַסן און געשיקט אַהין אירע זין באַקומען בילדונג. דער דורשט נאָך וועלטלעכן וויסן האָט זיך שנעל אויסגעברייטערט אויך אויף די אַנדערע שיכטן פון פוילישן ייִדנטום און, אויפן ערשטן פלאַן, אויף די וואַרשעווער ייִדן.

צו ערשט האָט דער דאָזיקער דורשט צו וועלטלעכן וויסן אַרומגעכאַפט דעם גאַנצן היפשן שיכט לערנער, די ישיבה־בחורים און קלויזניקעס, אַט די וואָס זענען פאָרגעשטעלט אין פישל פישעלזאָנס „טעאַטער" אין דער געשטאַלט פון לייבעלע פילאָסאָף, און פון זיי און דורך זיי צו אַלץ ברייטערע שיכטן ייִדישע פאָלקסמענטשן, צו די אָרעמע קרעמערס און בעלי־מלאכות און צו דער אַרבעטערשאַפט. אַט די שיכטן האָבן דער פוילישער השכלה געגעבן אַן אַלץ נײַעם פנים.

אַלעקסאַנדער קרויזהאַר גופא, וואָס האָט געשריבן אין פויליש „די געשיכטע פון ייִדן אין פוילן" וואָס האָט זיך בכלל אינטערעסירט מיט ייִדישע טעמעס אין זײַן פובליציסטישער טעטיקייט און האָט אויך געשריבן ייִדישע לידער אין פויליש, וועלכע ער האָט געדרוקט אינעם וואָכנבלאַט „יוטזשענקאַ" אונטער דער רעדאַקציע פון דניאל נויפעלד, איז אַ נײַער טיפ אויפגעקלערטער פוילישער ייִד קעגן איבער די וואָס ער כאַראַקטעריזירט אַלס פראָדוקט פון דער מענדעלסאָנישער, ריכטיקער פון דער פרײַסישער השכלה, וואָס איר פירער איז געווען פרידלענדער, דער אידעאָלאָג פון די רײַכע פרײַסישע ייִדן.

אַלעקסאַנדער קרויזהאַר און זײַן אוידיטאָריע לייענער פון „יוטזשענקאַ", ווי די אוידיטאָריע לייענער פון „איזראַעלטאַ פאָלסקאַ", וואָס האָט געהאַט די זעלבע ריכטונג, און די אוידיטאָריע פון „איזראַעליטאַ", וואָס איז דערשינען אונטער דער רעדאַקציע פון נחום סאָקאָלאָוו, זענען געווען דער אויסדרוק פון דער ייִדישער „אויפקלערונג" אין פויליש, וועלכע איז געגאַנגען פאַראַלעל מיט דער „השכלה" אין העברעיִש און אין ייִדיש, וואָס הייבט זיך אָן מיט חיים זעליג סלאָנימסקים פאָפולאַריזאַציע פון העכערער מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע אין רבנישן סטיל פאַר ישיבה־בחורים און קעסטאיידעמלעך אין זיין „הצפירה", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין 1862 און וואַקסט אַרײַן אין עטינגערס סאַטירע און אין י. ל. פרצעס „ייִדישער ביבליאָטעק" און אין זײַנע „יום־טוב בלעטלעך", וועלכע האָבן שוין פאַר זיך געהאַט די אוידיטאָריע פון די פויליש־ייִדישע און נישט נאָר פויליש־ייִדישע אַרבעטער. דעם פאַראַלעל קען מען זען אַפילו בלויז דערין, וואָס ווען „הצפירה" האָט באַשלאָסן צו געבן אירע לייענער אַ יערלעכע בײַלאַגע, איז צווישן אַנדערע איר אויג געפאַלן אויף קרויזהאַרס ווערק „פראַנק און די פוילישע פראַנקיסטן", וואָס רופט זיך אין נחום סאָקאָלאָווס העברעיִשער איבערזעצונג „פראַנק ועדתו".

וועגן „הצפירה" קען מען זאָגן אַז מיט איר דערשיינען, ווי מיט אירע יערלעכע בײַלאַגעס און יאָרביכער וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן „האסיף" און „לוח האסיף", האָט זי געמאַכט פון וואַרשע די מעטראָפאָליע פון דער השכלה, וואָס פריִער איז עס געווען ווין מיט אירע יאָרביכער פון דער גאַליציאַנער און ברעסלויער חכמת ישראל: „ביכורי העתים", „כרם חמד" און „אוצר נחמד" (דערשינען צווישן 1831 און 1857) און פרץ סמאָלענסקיס „השחר" אונטער דער רעדאַקציע פון זײַן ברודער לעאָן, (פון 1868 ביז 1885). אויך ווילנע, וואָס האָט, נאָך ווין, פרעטענדירט צו ווערן די מעטראָפאָליע פון דער השכלה מיט איר חודש־זשורנאַל „הכרמל" (דערשינען פינף יאָר נאָכאַנאַנד 1885—1889) אונטער דער רעדאַקציע פון ש. י. פין, האָט נישט אויסגעהאַלטן דעם איבערגעוויכט פון וואַרשע.

„הצפירה" האָט דעמאָלט צו זיך צוגעצויגן די באַרימטסטע העברעיִשע משוררים און מאמרים־שרייבער פון יענער צײַט: אליעזר הכהן צווייפל, קלמן שולמאַן, י. ל. גאָרדאָן, מענדעלע מוכר ספרים, ד"ר י. ל. קאַנטאָר, ח"י גורלאַנד, ד"ר א. א. הרכבי, א. ב. גאָטלאָבער, מ. ל. ליליענבלום, מרדכי בן הילל הכהן (מחלל), זלמן עפשטיין, שאול פנחס ראַבינאָוויטש (שפ"ר), נחום סאָקאָלאָוו און דוויד פרישמאַן. אין די יאָרביכער, וואָס „הצפירה" האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אונטערן נאָמען „האסיף" ווען זי איז שוין געווען אַ טעגלעכע צײַטונג און אונטער דער רעדאַקציע פון נחום סאָקאָלאָוו (דערשינען זעקס בענד), האָבן זיך שוין באַטייליקט, אַחוץ די דיכטער און פובליציסטן פון דער השכלה, ווי: פרישמאַן, גאָרדאָן, יהל׳ל, קאַמינער, מאַנדעלקערן, מאַנע, קאָנסטאַנטין שאַפיראָ, פאָזנאַנסקי, אייזיק הירש ווייס, א. הרכבי, פראָפ׳ ד. קויפמאַן, ד"ר בראַנדלער, אויך י. ל. פרץ, שלום עליכם און מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, ווי אויך פוילישע ליבעראַלע שרײַבער מיט איבערזעצונגען; עליזאַ אָזשעשקאָוואַ האָט געדרוקט אירע דערציילונגען און קאָזלאָווסקי זיין דראַמע „אסתר".

אינעם גייסט פון דער השכלה זענען אויך געווען די בײַלאַגעס, וואָס „הצפירה" פלעגט געבן אירע אַבאָנענטן: דאָס שוין דערמאָנטע ווערק „פראַנק ועדתו" פון אַלעקסאַנדער קרויזהאַר; „געשיכטע פון דער העברעיִשער ליטעראַטור" פון גוסטאַוו קאַרפעלעס; „נאַ־

טור־געשיכטע" פון בערענשטיין; „קולטור־געשיכטע" פון יוליוס ליפערט; די שריפטן פון אברהם גייגער, ש. י. ראַפאָפאָרט, שמואל דוד לוצאַטאָ, י. ל. גאָרדאָן, פרץ סמאָלענסקין, גרעצס ייִדישע געשיכטע...

אין די ערשטע צײַטן פון „הצפירה" איז אַרײַנגעטראָטן אַן איבערדרײַס פון אייניקע יאָר, ווען ח. ז. סלאָנימסקי איז באַשטימט געוואָרן אַלס פירער פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, דערנאָך אַלס וואַרשעווער צענזאָר. אַ פאָר יאָר שפעטער ווען סלאָנימסקי האָט זיך באַזעצט אין בערלין, האָט ער אַהין אַריבערגעפירט די רעדאַקציע פון „הצפירה" און דעמאָלט האָבן אַנדערע געפרוּווט אויספילן דעם בלויז מיט אַנדערע העברעיִשע אויסגאַבעס: דער בוכהענדלער און שריפשטעלער א. י. שאַפירא האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ חודש־זשורנאַל אונטערן נאָמען „מגד ירחים". דער זשורנאַל האָט אָבער נישט געהאַט אונטער זיך די שטיצע פון דער ברייטער השכלה־וועלט, נישט פון אירע שריפטשטעלער און מעצענאָטן און נישט פון איר אוידיטאָריע. דער זשורנאַל האָט זיך אָפגעגעבן בלויז מיט בעלעטריסטיק און האָט נישט געקענט שטילן דעם דורשט פון דער „הצפירה"־לייענערשאַפט צו וויסנשאַפטלעכע פאָפולאַריזאַציעס, געשיכטלעכע אָפהאַנדלונגען און חקירה.

אין 1879 האָט זיך קיין וואַרשע אַריבערגעצויגן דער חודש־זשורנאַל פון דעם באַרימטן השכלה־טוער, דיכטער און פובליציסט אברהם בער גאָטלאָבער — „הבוקר אור" —, וואָס איז פריִער, אין משך פון צוויי יאָר דערשינען אין לעמבערג. דער זשורנאַל „הבוקר אור", ווי זײַן אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר א. ב. גאָטלאָבער (מהללאל) פאַרנעמט אין דער געשיכטע פון דער העברעיִשער השכלה אַ גאָר אָנגעזעען אָרט. ער איז דער פובליציסטישער אויסדרוק פון דער פאָלקסטימלעכער און קעמפערישער וואָלינער השכלה, וואָס האָט אין פוילן, דערין אויך אין וואַרשע, זיכער געהאַט מער ווירקונג ווי די בערלינער און ווי די „פיטערבאָרגער", וואָס האָט שפעטער אָריענטירט „הצפירה". ווען מען רעדט פון די השכלה־שפורן אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, אָדער וועגן אירע משכילישע ערשטע טריט, ווי שלמה עטינגערס ליטעראַרישע ווערק און י. ל. פרצס אָנהייב, ווער שמועסט פון ליניעצקי און מענדעלע, פירט דער געדאַנק צו דער וואָלינער השכלה, צו אירע פאָרשטייער י. ב. לעווינזאָן, מענדל לעפין, מ. י. ליפשיץ, י. אַקסענפעלד און... א. ב. גאָטלאָבער.

„הבוקר אור" איז דערשינען אין וואַרשע זעקס יאָר נאָכאַנאַנד. מעגלעך אַז דער הויפטמאָטיוו פון איבערפירן דעם זשורנאַל פון לעמבערג קיין וואַרשע איז געווען דאָס באַקוועמערע איבערשיקן אים מיט דער פאָסט צו זײַנע לייענער, מערסטנס אוקרײַנישע, פוילישע און ליטווישע ייִדן. נאָר עס איז אויך אָנצונעמען אַז גאָטלאָבער האָט אין וואַרשע גופא, ווי אין די נאָענטע פוילישע שטעט, דערזען די בעסערע פאַרזיכערונג פאַר זײַן זשורנאַל.

אויך די חיבת ציון, די ערשטע רעאַקציע קעגן דער השכלה, וואָס איז געקומען פון די משכילים גופא (פרץ סמאָלענסקין אינעם ווינער „השחר", וואָס איז מיט אַ פלאַגיאַט פון משה העסעס אַן אויסצוג פון „רוים און ירושלים" אַרויסגעטראָטן קעגן דער „מענדעלסאָנישער השכלה"), כאָטש איר הויפטקוואַרטיר איז געווען אָדעס און איר הויפטווירקונג איז געווען אין דרום־רוסלאַנד, האָט נישט געקענט אויסמײַדן און לאָזן אויסער ווירקונג וואַרשע. זי האָט נישט געקענט קאָנקורירן מיט „הצפירה" און האָט זיך פאַרמאָסטן מיט איר קאָנקורענץ אויף דער „הצפירהס" יאָרביכער מיט דעם יאָרבוך „כנסת ישראל" אונטער דער רעדאַקציע פון שאול פנחס ראַבינאָוויטש. די מערסטע מיטאַרבעטער אָבער, ווי די מערסטע מאמרים און שירים אין דעם יאָרבוך, זענען געווען משכילישע וואָס האָבן געמאַכט פון „כנסת ישראל" בלויז אַ נײַעם מין השכלה־ כער. ענלעך צו „כנסת ישראל" איז געווען „כנסת הגדולה", וואָס פראָדוקט. פון „כנסת ישראל" זענען דערשינען בלויז דרײַ יאָרבי־ איז רעדאַקטירט געווען פון יצחק סאָקאָלאָוו און איז דערשינען צוויי יאָר נאָך אַנאַנד נאָכן אונטערגאַנג פון „כנסת ישראל".

אַ קאָנקורענץ־פרוּוו קעגן „הצפירה" און איר „האסיף" האָבן אויך געמאַכט די אָרטאָדאָקסישע וואַרשעווער משכילים מיט זייער יאָרבוך „הכרם", אונטער דער רעדאַקציע פון אליעזר אַטלאַס. אויך דער מין השכלה־פראָדוקט האָט נישט געהאַט קיין לאַנגע יאָרן. דערשינען איז פון אים נישט מער ווי איין באַנד.

„הצפירה" און אירע יאָרביכער און בײַלאַגעס האָבן געהאַט צוויי גרויסע פליוסן, וואָס האָבן מנצח געווען אַלע קאָנקורענץ־פרוּוון: פון איין זײַט די וועלטלעכקייט, סײַ אינעם אויפקלערערישן זין און סײַ אינעם זין פון ברייטקייט נחום סאָקאָלאָווס טעגלעכער לייט־אַרטיקל איבער וועלט־פאָליטיק אונטערן קאָפ „דברי הימים", און פון דער אַנדער זײַט — די שטיצע פון די פעטערבורגער מעצענאַטישע חברות (מיר מיינען דאָ נישט קיין פינאַנציעלע שטיצע וועגן וועלכער מען קען נישט רעדן אָן באַווייזן, נאָר אָן שום ספק זייער געזעלשאַפטלעכע שטיצע): די חברה מפיצי השכלה מיט איר אָפטיילונג פון די חובבי שפת עבר, וואָס איז געווען די אַרויסגעבערן פון י. ל. גאָרדאָנס, סמאָלענסקינס און אַזוי ווײַטער ווערק אין העברעיִש, וועלכע „הצפירה" האָט געגעבן אַלס בײַלאַגע, און די „חברה פאַר דער פאַרשפרייטונג פון מלאכה און ערדאַרבעט בײַ ייִדן", וואָס זי איז אויך געווען די רוסישע אָפטיילונג פון ייִקאַ, די וואָס האָט אָנגעפירט מיט דעם באַראָן הירש־ווערק אין רוסלאַנד, אין גאַליציע, אַרגענטינע, בראַזיל און נאָרדאַמעריקע.

די רוסישע השכלה איז פון אירע פריִע יאָרן (זינט די שקלאָווער שתדלנים בײַ קאַטערינע דער צווייטער) פאַרבונדן מיט דעם געדאַנק פון ייִדישער פראָדוקטיוויזאַציע ווי מיט דעם געדאַנק פון ייִדישער גלײַך־באַרעכטיקונג, אַלן פאַלס פון ייִדישער רעכט־אויסברייטערונג, אַז מען זאָל האָבן גענוג מאָטיוו צו קלערן אַז אונטער דער צאַרישער הערשאַפט זאָלן ייִדן משכילים אין פוילן נעמען דאַנקען מיט די זעלבע אימפעראַטיוון ווי די רוסישע משכילים. עס איז דעריבער נישט נייטיק צו זוכן קיין אַנדער באַרעכטיקונג פאַר אַזעלכע דערשײַנונגען ווי דער „הצפירהס" פראָפאַגאַנדע פאַר מלאכה, אָנהייב די נײַנציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, אָדער פאַר איר אײַפערדיקער פראָפאַגאַנדע לטובת דער אַרגענטינישער קאָלאָניזאַציע פון ייִדן איבער די אָנהענגער פון ישוב ארץ ישראל.

מנצח געווען האָבן איבער „הצפירה" אַלס וואַרשעווער פעסטונג פון דער השכלה, צוויי גרויסע געזעלשאַפטלעכע דערשײַנונגען; פון איין זײַט דער אָנקום און דער אויסבראָך פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905, און פון דער צווייטער זײַט דער אויפקום פונעם פאָליטישן ציוניזם.

די רעוואָלוציע פון 1905 האָט געשטויסן די מעצענאָטן פון מציפע השכלה און חובבי שפת עבר, ווי די מעצענאָטן די פאַרשפרייטער פון מלאכה און ערדאַרבעט בײַ ייִדן, צו נײַע טעטיקייטן, צו די כאַראַקטעריסטישע פאַר זיי נײַע חברות; „חברה פאַר דער דערגרייכונג פון גלײַך־באַרעכטיקונג פאַר ייִדן" און „חברה צו פאַרשפרייטן דעם אמת וועגן ייִדישן לעבן און פירונגען". די ערשטע איז געווען געווענדעט מיט דעם פנים צו דער פאַרטיי פון די רוסישע קאָנסטיטוציאָנאַליסטן־דעמאָקראַטן (קאַדעטן) און די צווייטע מיט דעם פנים — צו דער צאַרישער נאַטשאַלסטוואָ, וואָס האָט פאַרשטאַרקט איר אַנטיסעמיטישע טעטיקייט, פשוטער גערעדט, פאָגראָמיסטישע, אין שייכות מיט די צאַרישע מפלות קעגן יאַפאַן און מיט די שטרייקן און רעוואָלוציאָנערע מאַניפעסטאַציעס אינעם הינטערלאַנד. צו דער טעטיקייט האָט מען באַדאַרפט מאָביליזירן די ברייטע ייִדישע מאַסן אין גאַנץ רוסלאַנד און צו אַזאַ מאָביליזאַציע האָט נישט געטויגט קיין העברעיִשע צײַטונג און נישט איר אוידיטאָריע פון קלויזניקעס. דערצו האָט זיך געגרינדעט „דער פרײַנד" אין פעטערבורג, וואָס איז שפעטער אַריבערגעפירט געוואָרן אינעם סאַמע גערדיכטעניש פון ייִדישן לעבן: וואַרשע. און „הצפירה" האָט איר לעבן אויסגעהויכט אינעם סאַמע ברען פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע. אָפיציעל איז זי געשלאָסן געוואָרן פון דער מאַכט. נאָר ווען זי האָט מיט פיר יאָר שפעטער אָנגעהויבן צו דערשײַנען, איז איר לעבן שוין קיין לעבן נישט געווען.

נישט ווייניק האָט אויך געהאָלפן דעם פאַל פון דער דאָזיקער השכלה־פעסטונג דער אויפקום פונעם פאָליטישן ציוניזם, דערמיט וואָס ער האָט צעטריבן די אוידיטאָריע אירע, פון קלויזניקעס, וועמען צו די אַלגעמיינע און וועמען צו די פראָלעטאַרישע ציוניסטן,

וועמען צום „בונד", צו פּפּ"ס, פּס"ד און אַנדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען.

גאָר אַנדערע שרײַבער און גאָר אַנדערע לייט־אַרטיקלען, אפילו גאָר אַנדערע פּאָפּולאַריזאַציעס פון וויסנשאַפט און טעכניק האָבן זיך באַוויזן אינעם „פריינד": אָנשטאָט די התפּעלות פאַר גלאַדסטאָנס פּאָליטיק און דער קעניגין וויקטאָריעס נצחונות פון דער ענגלישער אימפּעריע, אָנשטאָט סאָקאָלאָווס חידושים אין העברעיש־אַרטיקלען וועגן די פּאָדערונגען וואָס יִדן שטעלן צו זיך ווי צו אַ געזעלשאַפטלעכן כוח און צו דער מלוכה, אויך די ליטעראַטור איז אין איר געווען אַן אַנדערע; אויפן מוסטער פון די רוסישע פעליעטאָניסטן, קוים פאַרמאַסקירטע רעוואָלוציאָנערע סאַטירעס, צוליב צענזאָר־מאָטיוון: שלום עליכמס פּאַראָדיע אויף דער דורכגעפאַלענער צאַרישער מלחמה אין מאַנדזשוריע „דער פּעטער פּיניע און די מומע רייזע", יעקב דינעזאָנס „שמשון שלמה און זײַנע פערד"...

באַוויזן האָבן זיך די פּאַרטיי־אויסגאַבעס מיט זייערע טעאָרעטישע וויכוחים. און דאָס איז געווען דער סוף פון דער השכלה אין וואַרשע, נאָך וועלכער עס איז געקומען די יִדישיסטישע עפּאָכע מיט אירע צײַטונגען און שרײַבער: די פרוכט פון דער אָנגעקומענער און דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע.

מיראָווער האַלעס אין וואַרשע

נח פרילוצקי

צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין וואַרשע

די יידישע אינטעליגענץ האָט ביז גאָר דער לעצטער צייט זיך באַצויגן צו יידיש־טעאַטער ווי צו אַ שטיפקינד, דעריבער איז ביז איצט נאָך גאָרנישט אָפגעטון געוואָרן פאַר דער אויספאָרשונג פון זיין געשיכטלעכער אַנטוויקלונג.

נאָר צופעליק באַווייזן זיך דאָ און דאָרט קורצע מאָנאָגראַפיעס אָדער נאָטיצן, וואָס אַנטפלעקן אינטערעסאַנטע איינצלנע מאָמענטן אין דער אומבאַקאַנטער געשיכטע פון דער יידישער בינע.

אַזוי זענען מיט עטלעכע יאָר צוריק אין פריצייטיק אומגעקומענעם וואָכנבלאַט „די טעאַטער־וועלט" דערשינען עטלעכע אַרטיקלען וועגן יידיש טעאַטער אין איטאַליע אין 17טן יאָרהונדערט, און אין דייטשלאַנד אין אָנהייב פון 18טן י"ה.

אַ ביסל מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון דער יידישער בינע אין וואַרשע געפינען מיר אין ערשטן באַנד פון דעם נייעם פערטליאָר־בוך, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין וואַרשע אויף פויליש און איז געווידמעט דער פאָרשונג פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט אין פוילן (ווערט אַרויסגעגעבן, ווייזט אויס, מיט דער שטיצע פון דער יידישער גמינע). דאָס זענען דריי היסטאָרישע דאָקומענטן, וועלכע מיר ברענגען דאָ אין אות-באַותעדיקער איבערזעצונג.

1. דער דאָזאָר צום וואַרשעווער פאָליצמייסטער
דעם 8טן מאַרץ 1837

„צום דאָזאָר איז דערגאַנגען אַ ידיעה אַז עטלעכע יידן זענען זיך משתדל מען זאָל זיי דערלויבן דעם קומענדיקן פורים פאָרצושטעלן אַ סצענישע שוישפיל אין דער יידיש־דייטשער שפראַך, — דער אָנגעזעענער רב און אַ סך אַנדערע מיטגלידער פון דער היזיקער קהילה האָבן זיך געווענדט מכוח דעם צום דאָזאָר בוזשניטשי, און דער לעצטער האָט די ערע צו בעטן דעם געשעצטן גענעראַל, ער זאָל זיך רעכענען דערמיט, דאָס אַזאַ פאָרשטעלונג, נישט נאָר וואָס זי האָט נישט קיין שום מאָראַלישן איינפלוס אויף די געמיטער פון די צוהערערס, נאָר פאַרקערט, זי איז אַן אומאָנשטענדיק אָפשפעטעניש וואָס שטופט צו דעמאָראַליזאַציע, און דאָס איז לויט די רעליגיעזישע דינים שטרענג פאַרבאָטן. — און זאָל באַוויליקן נישט צו דערלאָזן אַזעלכע פאָרשטעלונגען זאָלן פאָרקומען, ווי אויך אַזוי גוט זיין, אויב עס וועט נייטיק זיין, פאָרצושטעלן וואו מ'באַדאַרף, אַז אויך אַן אַנדער מאַכט זאָל נישט אַרויסגעבן דערויף אַ דערלויבעניש".

מיטגליד פון דאָזאָר בוזשניטשי — א. פאַפראָצקי

2. דער דאָזאָר צום וואַרשעווער וויצעפרעזידענט
דעם 17(29)טן מאַרץ 1839

„היות דער קאַרנאַוואַל האָט זיך ביי יידן שוין לאַנג געענדיקט, און דערצו נאָך איז אַ מינהג אין די יידישע קהילות אַז נאָך דער פטירה פון אַזאַ אויסגעצייכנטן רב ווי דער פאַרשטאָרבענער שלומה ליפשיץ איז געווען, זאָל הערשן אַ געוויסער טרויער אין משך פון עטלעכע וואָכן, מחמת דעם איז דער דאָזאָר בוזשניטשי דרייסט צו בעטן אַז דער הויכגעבוירענער ה' גענעראַל זאָל באַוויליקן נישט צו דערלאָזן אויף ווייטער די פאָרשטעלונג פון טעאַטער־שטיק אין דער יידישער שפראַך. איבער הויפט ווי דער דאָזאָר האָט שוין געהאַט די ערע פריער פאָרצושטעלן אַז נישט נאָר וואָס דאָס האָט נישט קיין מאָראַלישן ציל, נאָר פאַרקערט, עס ווערט אַ סיבה צו דעמאָראַליזאַציע און פאַרדאָרבונג. וועגן גיכן רעזולטאַט האָט דער דאָזאָר די ערע צו בעטן".

3. דער וואַרשעווער אָבער - פאָליצמייסטער צום דאָזאָר
בוזשניטשי דעם 1טן אַפריל 1840

„אַלס תשובה אויף דער פאָרלייגונג פון דאָזאָר בוזשניטשי, פון 10טן פון היינטיקן מאָנאַט לויט נ' 155, גיט צו וויסן: היות די מיינונג פון דעם דאָזיקן דאָזאָר, וואָס ער האָט אויפגעשריבן אויף דער ביטע פון ייד דוויד העלין, וועלכע יענער האָט דערלאַנגט דעם 13טן פעברואַר פון היינטיקן יאָר וועגן אַ דערלויבעניש צו געבן 15 דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען אין דער יידישער שפראַך, איז געווען נישט גינסטיק; דען דער דאָזיקער דאָזאָר האָט אָנגעשריבן אַז די שוישפיל וואָס ווערט געגעבן אין דער אומריינער שפראַך מאַכט נישט קיין מאָראַלישן איינדרוק אויפן געמיט פון די צוהערערס, נאָר פאַרקערט, ווערט אַן אומאַנשטענדיק געשפאָט וואָס פירט צו דעמאָראַליזאַציע און שיקאַנע — דעריבער האָט דער הויכגעבוירענער ה' גענעראַל־אַדיוטאַנט שיפאָוו, וואָס דערפילט די פליכטן פון מיליטערישן גובערנאַטאָר פון דער שטאָט וואַרשע, פאָרשטעלנדיק דעם דאָזיקן אומשטאַנד זיין דורלויכט דעם פירשט פעלדמאַרשאַל, אין נאָמען פון זיין פירשטלעכער מאַכט באַפוילן צו וויסן צו געבן דעם ייד דוויד העלין, דורך דער קאַנצעלאַריע פון דער וואַרשעווער פאָליציי, אַז אויב אַזעלכע פאָרשטעלונגען קענען ווירקלעך אַרויסרופן עפעס אַן אומצופרידנקייט ביים דאָזאָר בוזשניטשי, אָדער זענען קעגן דער יידישער רעליגיע, איז בעסער אָפצוזאָגן העלינס ביטע, ביז ער וועט נישט אויספועלן אַ דערלויבעניש ביי דעם דאָזיקן דאָזאָר".

אָט אַזוי איז מיט 72 יאָר צוריק דערשטיקט געוואָרן דער אָנהייב פון יידישן טעאַטער אין וואַרשע. עס איז נישט קיין נייס אַז, ווי איבעראַל ביי אַלע פעלקער אין אייראָפע, האָט אויך דער יידישער פרומער קלאַס קרום געקוקט אויף דער דראַמאַטישער קונסט. ס'איז גענוג צו דערמאָנען דעם צער וועלכן עס האָט אין 17טן יאָרהונדערט אַרויסגעוויזן ר' שמואל אבוהב פון וועראָנע, ביי דער ידיעה אַז אין ווענעדיג האָט זיך געעפנט אַ יידיש טעאַטער.

כלערליי אָנשיקענישן האָט די יידישע פאָלקסבינע געהאַט אויסצושטיין אינעווייניק אין יידישן געטאָ. אָבער אָנגענעם איז צו פאַרצייכענען אַז דער קאַמף איז שטענדיק געווען אַ היימישער. די וואַרשעווער פרנסים האָבן די ערשטע, דאַכט זיך, פון אַלע קעגנערס וואָס דאָס יידישע טעאַטער האָט ווען נישט איז געהאַט אין דער יידישער גאַס אַריינגעמישט אין קריג אַן אויסערלעכן עלעמענט, די פאָליצייאישע מאַכט, ביים פאָליצמייסטער, ביים וויצעפרעזידענט פון דער שטאָט, געזוכט שטיצע און פאַרטיידיקונג פאַר די געשטערטע „דינים פון דער יידישער רעליגיע"... נישט מיט אַ מאָל האָט זיך איינגעגעבן דער שענדלעכער „נצחון".

אַ מסירה אין 1837טן יאָר, ווי עס שיינט, איז געבליבן אָן רעזולטאַט.

אַ מסירה אין 1839, — וואָסער פעולה זי האָט געהאַט קען מען פון די אויבן געדרוקטע דאָקומענטן נישט וויסן.

אין יאָר 1840 בעט איינער דוויד העלין אַ דערלויבעניש אויף 15 פאָרשטעלונגען. זיין בקשה ווערט איבערגעשיקט צום דאָזאָר, די

פרנסים זאָלן זייער מיינונג וועגן דער זאַך אַרויסזאָגן. פריער פלעגט דאָס, משמעות, נישט געטאָן ווערן; די צענזור פון דער גמינע איז שוין, ווי עס שיינט, אַ פועל יוצא פון די ערשטע צוויי מסירות. און די פרנסים ענטפערן, פאַרשטייט זיך, אַז פאַרשטעלונגען אין דער „אומריינער שפראַך" קענען דורכוים נישט דערלאָזט ווערן.

אינטערעסאַנט איז דער פירוש וואָס די רעדאַקציע פון דעם פערטליאָר־בוך גיט צו צו די פאַרעפנטלעכטע דאָקומענטן: — „פון דער דאָזיקער קאָרעספאָנדענץ — זאָגט זי — וואָלט מען געקענט דרינגען, אַז דאָ איז געגאַנגען אויסשליסלעך וועגן דער טראַדיציע און וועגן דער יידישער רעליגיע. פון אַנדערע קוועלן איז אָבער באַוואוסט אַז אין וואַרשע, אין עטלעכע פריוואַטע הייזער וואָס האָבן באַלאַנגט צו דער יידישער אינטעליגענץ, זענען דעמאָלס פאָרגעקומען פאַרשטעלונגען אויף ריין לשון קודש, און צווישן די צושויערס זענען אויך געווען מיטגלידער פון דאָזאָר.

עס איז זיך צו חידושן אויך אַז מיטן פראָטעסט איז אַרויסגעטרעטן דער מיטגליד פון דאָזאָר אַברהם פאַפראָצקי, אַ לערער פון דער ראַבינער־שול, אַ מענטש אַ ליכטיקער און אַ געבילדעטער, אַן איידעם פון אַנטאָן אייזענבוים, דירעקטאָר פון דער זעלבער שול. עס האָבן דאָ אָן שום ספק, געמוזט אַריינגיין אין חשבון נאָך אַנדערע טיפערע מאָטיוון, אויסער ריין רעליגיעזע: מאָטיוון, וועלכע מ'האָט פון דעסט וועגן, אָפן נישט אָפגעדעקט".

ס'איז אָבער גאָר נישט שווער זיך אָנצושטויסן, וואָסערע מאָטיוון דאָס האָבן געקענט זיין. דאָס זענען געווים געווען די זעלבע מאָטיוון צוליב וועלכע איינער פון די פרנסים פון אונדזער צייט האָט ליבער געוואָלט זען אין זיין מויער אַ „פריילעך הייזל" איידער יידיש טעאַטער.

(אַרויסגענומען פון די „זאַמל-ביכער פאַר יידישן פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטור-געשיכטע" 1טען באַנד, וואַרשע 1912).

קראַשינסקיס גאָרטן

אפרים קופּפער (וואַרשע)

בער מייזעלס טעטיקייט אין וואַרשע (1856—1870)

מייזעלס אָנקומען קיין וואַרשע

אין יאָר 1856 האָט מייזעלס פאַרלאָזט קראָקע, וואו ער האָט געלעבט 35 יאָר און במשך פון 25 יאָר אָנטיילגענומען אין קאַמף פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן און פאַר די רעכט פון די יידן. מייזעלס איז אָנגעקומען קיין וואַרשע — אין דער שטאָט, וואָס איז געוואָרן דער צענטער פון דער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער באַוועגונג פון קאָנגרעס־פּוילן — איבערצונעמען דעם אַמט פון הויפּט־רב אויף דער איינלאַדונג פון דער וואַרשעווער יידישער קהילה.

דער עקאָנאָמישער מצב פון די יידן אין וואַרשע, ווי אין גאַנץ קאָנגרעס־פּוילן, איז אין יענער צייט געווען אַ שווערע. די באַשעפטיקונגס־סטרוקטור פון די וואַרשעווער יידן אַרום דער העלפט פון ניינצטן י"ה איז געווען אַזאַ:

	האַנדל	אינדוסטריע און האַנטווערק	לאַנדוו.	אַרבעטער	הויזדינסט	פרייע פּראָפ.	אַנדערע פּראָפ. און אָן פּראָפ.
צאָל	23,044	10,975	265	2,650	3,070	2,576	4,654
%	48,7	28,1	0,5	6,0	6,5	5,6	9,6

פון דער טאַבעלע איז צו זען, אַז כמעט אַ העלפט פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט געלעבט פון האַנדל און כמעט אַ פערטל — פון אינדוסטריע און האַנטווערק. דערביי דאַרף ווערן אונטערגעשטראָכן אַז אויך אין וואַרשע איז געווען אַ באַדייטנדיקע צאָל יידישע פאַבריק־אַרבעטער, און אַ טייל פאַבריקן האָבן שוין באַשעפטיקט צו 200 יידישע אַרבעטער.

אַן אַנדערער מקור גיט אָן די אַלגעמיינע צאָל פון יידישע הענדלער אין יאָר 1862 אויף 22,214. דערביי ווערט אָנגעגעבן אַן אינטערעסאַנטע פונאַנדערגלידערונג פון יידישן סוחרטום. פון דער צאָל האָבן זיך 6,718 אָדער 30 פּראָצענט פאַרנומען מיט קרעדיט (באַנקירן) און הורטהאַנדל; 2,694 אָדער צוועלף פּראָצענט — מיט שענקעריי, וויינהאַנדל, אכסניות אד"גל. און די איבעריקע 12,802 ד"ה 58 פּראָצענט — מיט קליינהאַנדל (קרעמערס, פאַכטער און פאַרמיטלערס). פון די ציפערן דרינגט אַרויס אַז העכער צוויי דריטל פון די יידישע סוחרים אין דער הויפּטשטאָט זענען געווען אָרעם אין קאַפּיטאַל.

עס דאַרף אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז איין דריטל פון די וואַרשעווער רייכע יידישע באַנקירן און סוחרים האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ זייער וויכטיקן עלעמענט, וואָס אַנטוויקלט אין אַ ברייטן און מאָדערנעם פאַרנעם דעם באַנקוועזן און גרויסהאַנדל אינעם וויכטיקסטן צענטער פון לאַנד, אין וואַרשע. עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אינעם האַנדל מיט אויסלאַנד האָבן זיי פאַרנומען 65.3, פּראָצענט און אינעם קאָמיס 66 פּראָצענט. אויף 24 גרעסערע באַנקהייזער זענען געווען 4 קריסטלעכע און 20 יידישע.

די רעכטלעכע לאַגע פון די יידן אין קאָנגרעס־פּוילן אין דער צייט איז געווען אַ קלאָגעוודיקע. אַלע פּראָיעקטן, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אַרום דער פראַגע פון גלייך־באַרעכטיקונג פאַר יידן זינט 1807 יאָר, ד"ה פון דער צייט ווען מען האָט אויסגעמיטן די יידן אין דער קאָנסטיטוציע פון „וואַרשעווער פירשטענטום" און אין די „קאָמיסיעס פאַר יידישע ענינים", וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן אין קאָנגרעס־פּוילן (אַדאַם טשאַרטאָריסקיס רעפאָרם־קאָמיטעט, נאָוואָסילצאָווס פּראָיעקט), ביז די ישועות וועלכע האָבן געזאָלט קומען פון טורקעלס געשאַפענעם „קאָמיטעט צו פאָרשן די יידנרעכט פון קרוין־פּוילן און „ קייזערטום־לענדער", און ביז די סאַמע לעצטע האָפענונגען, וואָס אַ טייל יידן האָבן פאַרבונדן מיט אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס קומען אויפן טראָן, — האָבן קיין וועזנטלעכע ענדערונג נישט געבראַכט.

אמת, פאַר דער יידישער גרויס־בורזשואַזיע זענען געמאַכט געוואָרן אויסנאַמען, און זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו די אַ"ג בירגער־רעכט, אָבער די ברייטסטע יידישע מאַסן און בפרט די יידישע יוגנט, און אין דער ערשטער ריי די אַקאַדעמישע יוגנט, האָבן געמוזט זוכן אַן אויסוועג פון דעם אויסנאַמס־צושטאַנד, אין וועלכן זיי האָבן זיך געפונען.

דעם אויסוועג האָבן געוויזן די יידיש־פּוילישע פּאַטריאָטן אינעם געמיינזאַמען נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־קאַמף פון די פּאָליאַקן און יידן אין פאַרקנעכטעטן פּוילן פאַר נאַציאָנאַלער און בירגערלעכער גלייך־באַרעכטיקונג.

אין אַזאַ מצב האָט מייזעלס געטראָפן די ברייטסטע יידישע פאָלקסמאַסן אין קאָנגרעס־פּוילן און דעם איבערוויגנדיקסטן טייל פון דעם איבער 40,000 יידישן ישוב אין וואַרשע. שוין אין דער ערשטער דרשה זיינע האָט ער זיך געגעבן צו דערקענען, אַז ער נעמט אויף זיך נישט בלויז די אויפגאַבע פון אַ גייסטיקן, נאָר אויך אַ פּאָליטישן מנהיג פונעם יידנטום אין פּוילן. אין זיין דרשה האָט ער גערופן די יידן אין וואַרשע צו לעבן בשלום און מאַכן אַ סוף צו קנאה־שנאה. אָבער דאָס זענען נישט געווען קיין גלאַט ווערטער פון אַ רודף־שלומניק, און זיין רוף האָט נישט געקלונגען אַלט־רבניש, ווייל גאָט האָט ליב שלום, נאָר „ווייל דער בשותפותדיקער שונא נוצט אויס די אינערלעכע אַרומרייסענישן פאַר אייגענע צילן". ווער ס'איז דער שונא, האָט מען אין וואַרשע גוט פאַרשטאַנען. אָט די דרשה קאָן פאַקטיש באַטראַכט ווערן ווי דער ערשטער רוף פון נייעם הויפּט־רב צו די יידן אין קאָנגרעס־פּוילן, צום קאַמף קעגן דעם צאַרישן אָקופּאַנט, וועלכער איז דער שונא פון די יידן און פּאָליאַקן. מייזעלס האָט אָבער געזען, אַז מיט בלויז דרשות קען מען נישט דורכפירן קיין ראַדיקאַלע ענדערונג אין דער פּאָליטיק פון די יידן אין קאָנגרעס־פּוילן.

קודם־כל מוז מען אַריינפירן ענדערונגען אין דער טעטיקייט פון דער וואַרשעווער יידישער קהילה־פאַרוואַלטונג. מען מוז אַרייננעמען אין איר אַרבעטספּלאַן דעם קאַמף קעגן דער יידישער פּאָלי־

טישער רעכטלאָזיקייט. אין איינקלאַנג דערמיט האָט מייזעלס שוין אין תחילת פון זיין אַמטירן, ד״ה אין יאָר 1856, צוגעשיקט צום פּאַרזיצער פון דער ניי־געוויילטער קהילה־פאַרוואַלטונג, מאַטיאַס ראָזען, אַ בריוו אין וועלכן ער ווייזט אָן, אַז מען קאָן נישט האָפן מילדער צו מאַכן די פיסקאַלישע גזירות כל־זמן עס בלייבט די פּאָליטישע רעכטלאָזיקייט. כדי צו קאָנען אָנהייבן דעם פּאָליטישן קאַמף, איז — לויט מייזעלסן — נייטיק:

1. איבערצורייסן מיט דער שתדלנישער טאַקטיק פון די וואַרשעווער יידן, וואָס איז באַשטאַנען אין „אָפּשרייען גזירות דורך מענטשן מיט פּרעסטיזש און מיט קאָנטאַקט אין די הויכע פענצטער”.

2. די וואַרשעווער קהילה־פאַרוואַלטונג דאַרף אָנהייבן אַ קאָאָרדינירטע אַקציע און אַרויסטרעטן נישט בלויז ווי אַ פאָרשטייער פון דער וואַרשעווער קהילה, נאָר ווי אַ „מוטער־קהילה” פון אַלע יידישע קהילות אין פּוילן.

הרב דוב־בער מייזעלס

פּאָרטרעט פונעם פּעריאָד פון יאַנואַר־אויפשטאַנד

דער נייער וועג, וועלכן עס האָט אָנגעוויזן מייזעלס, איז געוואָרן אָנגענומען דורך דער קהילה־פאַרוואַלטונג. דערויף זאָגן עדות די 4 מעמאָראַנדומס, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו די מאַכטאָרגאַנען אין משך פון צוויי יאָר (אויף די מעמאָראַנדומס איז דער ערשטער געחתמעט מייזעלס, ערשט דערנאָך קומט די אונטערשריפט פונעם ראש־הקהילה).

די מעמאָראַנדומס פאַרמאָגן אַ ריי פאַלשע אַרגומענטן, אָבער איינציייטיק אַ ריי אַזעלכע אַרגומענטן, וועלכע דאַרפן אונטערגעשטראָכן ווערן, ווי למשל:

1. דאָס אונטערשטרייכן די היסטאָרישע רעכט פון די יידן אין פּוילן צו דער פּוילישער ערד;

2. דאָס קלאָרע דערקלערן פאַר דער רוסישער מאַכט, אַז די יידן אין פּוילן באַטראַכטן זיך פאַר אַן אינטעגראַלן טייל פונעם פּוילישן נאַציאָנאַלן כלל;

3. דאָס אָפּוואַרפן דאָס באַשענקען מיט רעכט און פּריווילעגיעס „פאַרדינטע יחידים”;

4. דאָס אַרויסהייבן די פאַרדינסטן פונעם יידישן אַרבעטער און האָרעפּאַשניק ווי אַ וויכטיקן מאָמענט ביים אויסקעמפן בירגעררעכט פאַר די יידישע פאָלקסמאַסן;

5. דער לייטמאָטיוו פון אַלע צוגעשיקטע מעמאָראַנדומס איז דער פּראָטעסט־אויסדרוק קעגן דעם אויפגעצוואונגענעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן געטאָ פון די יידן אין פּוילן, וואָס איז אַ פּועל־יוצא, ווי עס שטרייכט אונטער דער ערשטער מעמאָראַנדום פון יאָר 1856, פון דער יידישער רעכטלאָזיקייט.

עס איז קלאָר, אַז די מעמאָראַנדומס האָבן נישט געקאָנט געבן קיין ממשותדיקן רעזולטאַט, ווייל נישט בלויז די אַרויסגערוקטע פאָדערונגען און זייערע מאָטיווירונגען זענען נישט געווען אָננעמבאַר פאַר דער צאַרישער מאַכט, נאָר שוין דאָס בלויזע נעמען זיך דורך דער וואַרשעווער קהילה דאָס רעכט צו רעדן אין נאָמען פון די יידן אין קאָנגרעס־פּוילן איז זיכער באַטראַכט געוואָרן ווי אַ בונט. עס דאַרף אָנגעוויזן ווערן, אַז נישט בלויז די אָקופּאַנטישע מאַכט איז נישט מסכים מיט די יידישע מעמאָראַנדומס, נאָר אויך ביי די הויכע פּוילישע באַאַמטע פון דער וואַרשעווער אָקופּאַנטישער רעגירונג האָבן די דרייסטע יידישע פאָדערונגען אַרויסגערופן אויפרעגונג, און זיי האָבן גענומען אויף זיך די מיסיע אַרויסצוטרעטן קעגן די יידישע פאָדערונגען און אָפּענטפערן דער וואַרשעווער קהילה. אין דער זעלבער צייט האָט די וואַרשעווער פּרעסע („גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ”), און אפילו אַ טייל פון דער עמיגראַנטישער פּרעסע, אויפגעהויבן אַן אַנטי־יידישע העצע. אויך פון דער פּראָווינץ זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן אַנטי־יידישע אַרויסטרעטונגען. אין שטעטל טורעק איז אפילו געקומען אום יום כיפּור צו אַ פּאָגראָם. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט באַוויזן אָפּצושוואַכן מייזעלס גלויבן אינעם זיג פון זיין הויפּט־אידעע, וואָס ער האָט געשטעלט פאַר זיך: מיטצואווירקן צו דער פאַרברידערונג פון די יידן און פּאָליאַקן, וואָס זאָל דערמעגלעכן אויפצוהייבן אַ געמיינזאַמען קאַמף קעגן דעם הויפּט־שונא, דעם צאַרישן אָקופּאַנט.

ד״ר מאַרקוס יאַסטראָוו דערמאָנט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער יענע צייט, ווען ער איז אָנגעקומען קיין וואַרשע (1858) און האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן פאַר אַ דערנענטערונג צווישן יידן און פּאָליאַקן. ער שרייבט וועגן מייזעלס טעטיקייט אין דעם פּעריאָד אַט וואָס:

> „דער וואַרשעווער רב מייזעלס האָט מיך אין דער זאַך פון דער יידיש־פּוילישער פאַראייניקונג אונטערשטיצט און, בעסער געזאָגט, ער איז געווען מיין פאָרגייער, וועלכן עס איז דערנאָך אויסגעקומען צו פאַרלאָזן צוזאַמען מיט מיר דאָס אָרט וואו ליבע און איינִיקייט איז געווען דער הייליקסטער ציל, צו וועלכן ער (מייזעלס) האָט געשטרעבט. אָט די ליבע און איינִיקייט איז דער פּרעכטיקסטער דענקמאָל, וועלכן ער האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט . . . ” .

מייזעלס האָט באַשלאָסן נישט צו באַנוגענען זיך בלויז מיט פּראָפּאַגירן די פאַרברידערונג־אידעע, נאָר איבערצוגיין אויך צו מעשים. אין יאָר 1858 האָט מייזעלס פאָראָרדנט איינצופירן דעם לימוד פון פּויליש און חשבון אין די תלמוד־תורות, וועלכע זענען אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך דער קהילה און האָבן זיך געפונען אונטער זיין, מייזעלס, קאָנטראָל. דער באַשלוס זיינער האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג נישט בלויז פאַר וואַרשע, נאָר אויך פאַר אַ סך יידישע קהילות אין דער פּראָווינץ. שטיצנדיק זיך אויפן אויטאָריטעט פון מייזעלסן, האָבן זיי איינגעפירט דעם לימוד פון פּויליש אין די תלמוד־תורות.

מייזעלסן איז נישט לאַנג אויסגעקומען צו וואַרטן אויף דער פּויליש־יידישער דערנענטערונג און אויף זייער געמיינזאַמער אַקציע קעגן דער אָקופּאַנטישער מאַכט. אָנהייב 1859 האָט די אַנטיסעמיטישע העצע דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט. דאָס איז געווען דער

אָנגריף פון די אַנטיסעמיטישע רעדאַקטאָרן פון דער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" לעשניעווסקי און קעניג. דער אָנגריף איז — לויט מייזעלס רעוועלאַציעס — פּלאַנירט געוואָרן דורך זיי צוזאַמען מיט דעם טרויעריק־באַרימטן דירעקטאָר פאַר אינערלעכע ענינים, מורכאַנאָוו. די היימישע פאָלקס־פאַררעטער צוזאַמען מיט די הויכע צאַרישע באַאַמטע האָבן מיט זייער אַנטיסעמיטישער פּרעסע־אַקציע געצילט צו שאַפן אין וואַרשע אַזאַ שטימונג, אַז די וואַרשעווער יידן זאָלן אַריינגעצויגן ווערן אין אַ קאַמף קעגן די פּאָליאַקן און ממילא זיך קעגנשטעלן די פּוילישע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען. וועגן די „דערגרייכטע דערפאָלגן" האָט דער שטעל־פאַרטרעטער פון נאַמיעסטניק גענעראַל־גובערנאַטאָר פּאַניוטין, מיטגעטיילט קיין פּעטערבורג. זייערע פאַררעטערישע כוונות זענען דעמאַסקירט געוואָרן דורך די רוסישע און פּוילישע דעמאָקראַטישע פירער פון יענער צייט. דער באַוואוסטער רוסישער רעוואָלוציאָנער דעמאָקראַט הערצען איז אַרויס מיט אַן אַרטיקל אין זיין „קאָלאָקאָל", אין וועלכן ער קריטיקירט שאַרף די פּוילישע אַנטיסעמיטן און דעמאַסקירט זיי ווי אַזעלכע, וואָס פירן זייער אַנטיסעמיטישע אַרבעט אונטערן שוץ פון די צאַרישע באַאַמטע. אויך דער גרייז־גראָער לעלעוועל איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ גרעסערן בריוו, וועלכן ער ענדיקט מיט די ווערטער: „ווען אין יאָר 1794 האָט אַ פאַרצווייפלונג אַרומגעכאַפּט די הויפּטשטאָט, האָבן יידן נישט אַרויסגעוויזן קיין פּחד פאַרן טויט. אויסמישנדיק זיך צוזאַמען מיטן מיליטער און פאָלק, האָבן זיי באַוויזן אַז קיין שום סכנה איז פאַר זיי נישט שרעקלעך, ווייל די זאַך פון פאָטערלאַנד איז זיי ליב".

אונטערן דרוק פון הערצען און לעלעוועל און אונטערן דרוק פון דער פּראָגרעסיווער שטעלונג פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון פּוילישן פאָלק, האָט די פּוילישע פּרעסע, אַפילו דער אָרגאַן פון האָטעל לאַמבערט „וויאַדאָמאָשטשי פּאָלסקיע", זיך אָפּגעקערט פון לעשניעווסקין און זיינע חברים. פאַר דעם גרעסטן טייל פון פּוילישן פאָלק איז אַלץ מער קלאָר געוואָרן די נויטווענדיקייט פון דער פּויליש־יידישער דערנענטערונג סיי פאַר דעם עקאָנאָמישן אויפבוי פון לאַנד, סיי פאַר דעם סאָציאַלן און נאַציאָנאַל־באַפרייערישן קאַמף. אויך אַ גרויסער טייל פון די יידישע פאָלקסמענטשן, וואָס זענען זייט יאָרן געווען פאַרבונדן מיט די פּוילישע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און אויפשטאַנד־טראַדיציעס, זענען געווען גרייט זיך אָנצושליסן אין דער אַלגעמיינער פּאַטריאָטישער באַוועגונג. זיי האָבן זיך אָבער געניטיקט אין אַן אויפמונטערער. די ראָלע האָט מייזעלס און אַנדערע פירנדיקע יידישע פּאַטריאָטן אויף זיך גענומען.

די פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס אין 1860 — 1861

כדי ווי געהעריק אָפּצושאַצן מייזעלס אָנטייל און ווירקונגען אין די געשעענישן בעת דער שטורעמדיקער צוגרייטונג צום יאַנואַר־אויפשטאַנד, איז נייטיק זיך צו באַקענען מיט די פּאָליטישע ריכטונגען אין קאָנגרעס־פּוילן אין יענער צייט.

די טויזנטער צוריקגעקומענע פון דער פאַרשיקונג „סיביריאַקעס" נאָך דער אַמנעסטיע פון יאָר 1856, און אויך די פון אויסלאַנד צוריקגעקומענע שטודירנדיקע יוגנט, וועלכע האָט זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון מיעראָסלאַווסקין, האָבן אַריינגעבראַכט אינעם לאַנד אַ שטאַרקן שטראָם פון רעוואָלוציאָנערן פּאַטריאָטיזם. אין דער צייט זענען אַנטשטאַנען רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך אין וואַרשע און אין אַנדערע געגנטן. דער עקאָנאָמישער קריזיס פון סוף 1857 האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די רעוואָלוציאָנערע שטימונג צווישן די פאַראָרעמטע פאָלקסמאַסן. דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט די אַנטשטאַנענע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך, די „רויטע", אין סוף פון די פופציקער יאָרן זיך צו קאָנסאָלידירן און אַנטוויקלען אַ קאָנספּיראַטיווע רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, אַריינצודרינגען אַלץ מער צווישן דער שטאָטישער אָרעמקייט און דעם קליינבירגערטום.

די באַזיצנדיקע שליאַכטע, וועלכע האָט ווי פאַר פייער מורא געהאַט פאַר דער מעגלעכקייט פון אַ נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד, וואָס וואָלט אויפגעהויבן אַ רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג צו לייזן די פּויערים־פראַגע, — האָט זיך פאַראייניקט אונטער דער אָנפירונג פון גראַף אַנדזשעי זאַמאָיסקי אין דער א"ג „לאַנדווירטשאַפטלעכער געזעלשאַפט". אין קעגנזאַץ צום מאַרקגראַף וויעלאָפּאָלסקי, וועלכער האָט אָפן נעפּריידיקט טריישאַפט צו דער צאַרישער קרוין, חאָט זאַמאָיסקי געפּראָוווט קעגנווירקן דער אידעע פון נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד דורך אַרויסרוקן דעם לאָזונג: „דערגרייכן" פּוילנס אומאָפּהענגיקייט דורך „אָרגאַנישער אַרבעט", ד"ה אויסבויען בהדרגהדיק די עקאָנאָמיע פון לאַנד אין די ראַמען פון פעאָדאַלן סיסטעם.

אויך אַ טייל פון דער בירגערלעכער אינטעליגענץ און יוגנט האָט זיך אָרגאַניזירט אין אַ קרייז אונטער דער אָנפירונג פון עדוואַרד יורגענס. דער קרייז האָט זיך אונטערשיידט פון דער „לאַנדווירטשאַפטלעכער געזעלשאַפט" מיט דעם, וואָס ער האָט בלויז אין פּלוג אָנערקענט די נויטווענדיקייט פון אַ נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד, אָבער אָפּגעלייגט אים ביז פּוילן וועט שוין זיין גענוג שטאַרק און צוגעגרייט (מיעראָסלאַווסקי האָט זיי אַ נאָמען געגעבן „מיליאָנערן", ד"ה אַזעלכע וואָס ליגן אָפּ דעם אויפשטאַנד אויף טויזנטער יאָר). די וואַרשעווער בורזשואַזיע, וועלכע האָט זיך געזאַמלט אין דער „רעסורסאַ קופּיעצקאַ", איז געשטאַנען פּאָליטיש נאָענט צו עדוואַרד יורגענס קרייז. אין 1860 האָבן די אויסגערעכנטע רעכטע גרופּירונגען געשאַפן אַ געמיינזאַמע קערפּערשאַפט, א"ג דירעקציע „פון די ווייסע".

די אויסגערעכנטע קרייזן פון די „ווייסע" האָט פאַראייניקט איין געדאַנק: נישט דערלאָזן צו אַ נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד, וואָס וואָלט געקאָנט ווערן געפערלעך פאַר זייערע קלאַסן־אינטערעסן, ווי למשל ווען איינפירן ראַדיקאַלערע רעפאָרמען אין דעם פּאַנשטשיזנע־סיסטעם. אין דער פראַגע האָבן יורגענס גרופּע און די קרייזן פון „רעסורסאַ קופּיעצקאַ" געהאַט אַ מער פּראָגרעסיווע שטעלונג איידער זייערע שותפים פון דער „לאַנדווירטשאַפטלעכער געזעלשאַפט".

די זעלבע מיינונגס־פאַרשידנקייטן זענען אויך געווען בנוגע

דער יידן־פראַגע. די „לאַנדווירטשאַפטלער געזעלשאַפט" איז געווען קעגן גלייך־באַרעכטיקונג פאַר יידן. זי האָט נישט געוואָלט אָננעמען פאַר קיין מיטגליד דעם באַוואוסטן פוילישן שרייבער קראַשעווסקי (אין יאָר 1860) צוליב זיין אָננעמען דעם אַמט פון רעדאַקטאָר פון „גאַזעטאַ צאַדזשעננאַ", וועלכע איז, נאָך דעם ווי קראָנענבערג האָט זי אָפּגעקויפט, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ אָרגאַן פון דער וואַרשעווער בורזשואַזיע און אַרויסגעוויזן אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צו דער גלייך־באַרעכטיקונג פון יידן. קראַשעווסקי שרייבט שפּעטער וועגן דער דעמאָלטיקער שטעלונג פון דער „לאַנדווירטשאַפטלעכער געזעלשאַפט" אָט וואָס:

> „ביז דער לעצטער צייט האָבן זיך דער פּרעזעס פון דער געזעלשאַפט און דער קאָמיטעט מיט אַלע כוחות קעגנגעשטעלט יעדן ראַדיקאַלערן און געוואַגטערן שריט אין דער פּויערים־פראַגע, זיי האָבן אָפּגעשטויסן די שטאָטישע בירגער און די יידן..." .

דערקעגן האָט יורגענס' גרופּע מסכים געווען אָוועקצושטעלן אויף דער טאָג־אָרדנונג די פראַגע פון גלייך־באַרעכטיקונג פאַר יידן.

ווי אַזוי האָט זיך פאָרגעשטעלט דער לאַגער פון די „רויטע"? מער דאַרף זאָגן, אַז אַפילו צווישן דער אָנפירונג פון די „רויטע" זענען געווען אַזעלכע ווי קאַראָל מאַיעווסקי, וועלכער איז גלייכצייטיק געזעסן אין דער דירעקציע פון די „ווייסע" און אין דער אָנפירונג פון די „רויטע". אויסער דעם לינקן פליגל פון רעוואָלוציאָנערע דעמאָקראַטן איז דער איבערוויגנדיקער טייל פון די „רויטע" באַשטאַנען פון צענטריסטן (ווי אַנאַטאָן גיללער און ענלעכע), אַזוי גערופענע מעסיקע, וועלכע האָבן געהאַלטן אין איין לאַווירן צווישן דעם דעמאָקראַטישן פליגל פון די „רויטע" און די אייגענע רעכטע און אויך זיך געחנדלט צו יורגענס' גרופּע.

דאָס וואָס האָט פאַראייניקט אַלע גרופּירונגען אין דעם לאַגער פון די „רויטע" (אויסער די אַריינגעשיקטע אַגענטן פון די „ווייסע" ווי מאַיעווסקי), איז געווען דער ווילן, אַרויסצוגיין אין קאַמף קעגן אָקופּאַנט און צואיילן דעם נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד. כדי אויפצוהייבן און צוגרייטן דאָס פאָלק צום קאַמף מיטן אָקופּאַנט, האָבן די „רויטע" באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן מאַסן־מאַניפעסטאַציעס פון נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישן כאַראַקטער, וועלכע זאָלן וועקן די רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישע געפילן ביי דער באַפעלקערונג. די מאַניפעסטאַציעס האָבן אויך געדאַרפט דינען ווי אַ מיטל צו מאָביליזירן די פאָלקסמאַסן בכדי זיי זאָלן מאַכן אַ דרוק אויף די „ווייסע" אָנצושליסן זיך אינעם נאַציאָנאַלן קאַמף און אויך אויפצווינגען די פּריצים, זיי זאָלן ליקווידירן די פּאַנשטשיזנע.

די ערשטע גרעסערע מאַניפעסטאַציע איז דורך די „רויטע" אָרגאַניזירט געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער לוויה (1860.6.9) פון דער אַלמנה נאָך דעם העלדישן פּאַרטיידיקער פון וואָליע (וואַרשעווער שטאָטטייל) אין יאָר 1831, גענעראַל סאָווינסקי. נאָך דער איינגעגעבענער מאַניפעסטאַציע, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט עטלעכע צענדליק טויזנט בירגער, צווישן זיי אויך אַ גרעסערע צאָל יידן, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע קלענערע מאַניפעסטאַציעס. במשך פון אַ גאָר קורצער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „סמאַרקאַטשעס" (ווי די „ווייסע" האָבן מיט ביטול אָנגערופן די „רויטע" פּאַטריאָטישע יוגנט) באַהערשן אַן אָנגעזעענעם טייל פון די פאָלקסמאַסן פון דער הויפּטשטאָט און באַזונדערס די האַנטווערקער און זייערע געזעלן. אויף דער ווענדונג פון די „ווייסע", זיי זאָלן אָפּשטעלן די מאַניפעסטאַציעס, ווייל זיי קאָנען דערפירן צו אַן אויפשטאַנד וואָס וואָלט געבראַכט אַן „אומגליק", האָבן די „רויטע" אַרויסגעשטעלט אַ באַדינג, אַז די „לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפט", וועלכע איז דעמאָלט געווען די איינציקע לעגאַלע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פון פּאָליאַקן אין לאַנד, זאָל אָרגאַניזירן אַן „אדרעס" צום צאַר, נישט רעכנענדיק זיך מיט דעם, צי די וואַרשעווער מאַכטאָרגאַנען וועלן עס דערלויבן אָדער נישט. אין דעם „אדרעס" זאָל קריטיקירט ווערן דער רעגירונגס־סיסטעם אין פּוילן און גלייכצייטיק זאָל אָנגעוויזן ווערן אויף די נייטיקסטע רעפאָרמען, וואָס דאַרפן דורכגעפירט ווערן.

זאַמאָיסקי האָט אַנטשידן אָפּגעוואָרפן די פאָדערונג פון די „רויטע" אונטער דעם אויסרייד, אַז „ער וויל בכלל נישט האָבן קיין באַציאונגען מיט דער רעגירונג און וויל ביי איר גאָרנישט בעטן". ער האָט דערביי געדראָט, אַז אויב זיי וועלן נישט אויפהערן צו אָרגאַניזירן מאַניפעסטאַציעס, וועלן זיי איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון דער מאַכט. די דראָאונגען האָבן די „רויטע" נישט אָפּגעשראָקן, און זיי האָבן ווייטער אָרגאַניזירט מאַניפעסטאַציעס.

אינצווישן איז אָנגעקומען דער 25טער פעברואַר, דער יאָרטאָג פון גראָכאָווער קאַמף אין 1831. די „רויטע" האָבן באַשטימט איינצואָרדענען אין דעם טאָג אַ מאַסן־מאַניפעסטאַציע אויף די גראָכאָווער פעלדער. ווען גאָרטשאַקאָוו האָט באַפוילן פונאַנדערצונעמען די בריק, וואָס פאַרבינדט וואַרשע מיט פּראַגע, כדי אוממעגלעך צו מאַכן דער וואַרשעווער באַפעלקערונג צו גיין אויף די גראָכאָווער פעלדער, האָבן די „רויטע" באַשלאָסן איינצואָרדענען די דעמאָנסטראַציע אין וואַרשע גופא. אויף דער דעמאָנסטראַציע איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן דער באַפעלקערונג מיט דער זשאַנדאַמעריע, און עס זענען געווען עטלעכע פאַרוואונדעטע.

ווי אַן ענטפער אויף דער ברוטאַלער האַנדלונג פון די צאַרישע זשאַנדאַרן האָבן די „רויטע" באַשלאָסן איינצואָרדענען דעם 27טן פעברואַר אַ מאַניפעסטאַציע. אין דער זעלבער צייט איז פאָרגעקומען אין וואַרשע די לאַנד־באַראַטונג פון דער „לאַנד - געזעלשאַפט", געפירט אונטער דעם דיקטאַט פון אַנדזשעי זאַמאָיסקי און דעם גרויס־שליאַכטישן קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט, וועלכע האָבן נישט דערלאָזט אָנצונעמען קיין באַשלוס נישט וועגן ליקווידירן די פּאַנשטשיזנע און נישט וועגן אַן „אדרעס" צום צאַר. ביי דער געשאַפענער לאַגע זענען זיך דעם 26טן פעברואַר צונויפגעקומען אין קאַנטס צוקיערניע די פאַרשטייער פון דער וואַרשעווער בורזשואַזיע און אינטעליגענץ, וועלכע האָבן זיך געפונען אונטערן דירעקטן דרוק פון די פאָלקסמאַסן, און האָבן באַשלאָסן צו מאַכן אַ זעלבסשטענדיקן פּאָליטישן שריט, נישט רעכנענדיק זיך מיט דער מיינונג פון דער „ל'ג". זיי האָבן אויסגעוויילט אַ דעלעגאַציע צו רעדאַגירן אַן „אדרעס" צום צאַר. עס איז געפּלאַנט געוואָרן צוצוציען צו דער דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון דער שטאָטישער בורזשואַזיע און אינטעליגענץ, דעם שוסטער הישפּאַנסקי, ווי אַ פאָרשטייער פון די האַנטווערקער, און מייזעלסן, ווי אַ פאָרשטייער פון די יידן.

דעם 27טן פעברואַר גאַנץ פרי האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען מאַסן מענטשן פאַר דער קאַרמעליטן־קירך אויף לעשנאָ־גאַס, וואו עס האָט געדאַרפט פאָרקומען אַ הזכרה נאָך אַ רעוואָלוציאָנערן עמיסאַר, וואָס איז אומגעבראַכט געוואָרן דורך דער צאַרישער מאַכט מיט דרייסיק יאָר צוריק. נאָך דער הזכרה האָט זיך געדאַרפט פאָרמירן אַ מאַניפעסטאַציע. דעמאָלט איז אָנגעקומען דער אָבער־פּאָליציי־מייסטער טרעפּאָוו מיט אַ גרעסערער צאָל פּאָליציאַנטן.

אויך דער קאָמיטעט פון דער „לאַנדוו' געזעלש" האָט זיך געווענדט צום נאַמיעסטניק גאָרטשאַקאָוו, ער זאָל שיקן מיליטער צום ראַדזשיוויל־פּאַלאַץ, וואו עס קומען פאָר די באַראַטונגען פון זייער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, כדי צו שיצן זיי קעגן אַן עווענטועלן איבערפאַל מצד די מאַניפעסטאַנטן. מיט דעם האָט דער קאָמיטעט געגעבן אָנצוהערן דער מאַכט, אַז דאָ האָט מען נישט צו טאָן מיט קיין פרידלעכער פּראָצעסיע, נאָר מיט בונטאָווטשיקעס, קעגן וועלכע מען דאַרף באַנוצן כוח. גאָרטשאַקאָוו האָט טאַקע באַשלאָסן אָנצונעמען די עצה פון אַ טייל גענעראַלן און הויכע באַאַמטע און פון זאַמאָיסקיס פּריצים, און צוטרעטן מיט צאַרישע מעטאָדן צו ליקווידירן די מאַניפעסטאַציעס.

קעגן דער אומבאַוואָפנטער באַפעלקערונג זענען געוואָרן אַרויסגעשיקט באַטאַליאָנען קאָזאַקן. אַרום צוויי אַ זייגער נאָך מיטיק זענען געפאַלן די ערשטע שאָסן און הרוגים. די דעצידירטע שטעלונג פון די צענדליקער טויזנטער פּוילישע פאָלקסמענטשן, וועלכע האָבן מאַניפעסטירט אויף די וואַרשעווער גאַסן און געפּרוּווט צוקומען צום באַראַטונגס־פּאַלאַץ פון דער „לאַנדוו' געזעלש", האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויף די פאַרזאַמלטע פּריצים. ווען עס איז נעשטעלט געוואָרן צום אָפּשטימען טאָמאַש פּאָטאָצקיס פאָרשלאָג, וועגן געבן די פּויערים אַ מעגלעכקייט אויסצוקויפן די ערד, אויף וועלכער זיי זיצן, האָט קיינער פון די פאַרזאַמלטע נישט נעוואַגט

צו שטימען קעגן. דערווייל האָט זיך דערנענטערט דער אָוונט. די וואַרשעווער גאַסן האָבן אויסגעזען ווי אַ קריגספּלאַץ. די צאָל הרוגים איז נישט מעגלעך געווען פעסטצושטעלן. דער קאָמיטעט פון דער „לאַנדוו׳ געז" האָט געזען אַז פון איין זייט באַהערשן די „רויטע" די פּאָלקסמאַסן פון דער הויפּטשטאָט און פון דער צווייטער זייט האָט די שטאָטישע גרויס־בורזשואַזיע שוין מסכים געווען אויף אַן „אדרעס" און הייבט אָן ארויסצואווייזן אַ פּאָליטישע אַקטיווקייט. ביי אַזאַ סיטואַציע האָט געדראָט די פּריצים צו פאַרלירן יעדן איינפלוס אויף דעם גאַנג פון די געשעענישן און ווערן איזאָלירט. זיי האָבן זיך דעריבער שנעל פאַרזאַמלט ביי זאַמאָיסקין און באַשלאָסן מסכים צו זיין אויף דעם דערמאָנטן באַשלוס פון די שטאָטישע בירגער וועגן אַן „אדרעס" צום צאַר. בעת ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק, ווען מען האָט אויפן זאַל פון דער באַראַטונג אריינגעבראַכט דעם פאַרבלוטיקטן מיטגליד פון דער „לאַנדוו׳ געז", גאָזשימסקי, האָט גראַף זאַמאָיסקי קאַלטבלוטיק דערקלערט: „ווען דער פּאַן גאָזשימסקי וואָלט געווען אַ בירגער און אונדזערס אַ מיטגליד, וואָלט ער געדאַרפט זיין דאָ צווישן אונדז און נישט צווישן גאַסניונגען און פּראַווען אַוואַנטורעס מיטן מיליטער", — איז ער איצט שפּעט אין אָוונט געפאָרן צום נאַמיעסטניק גאָרטשאַקאָוו אינטערווענירן ער זאָל צוריקציען דאָס מיליטער, באַשטראָפן די שולדיקע אין דער בלוטבאָד און אָננעמען אַן „אדרעס" צום צאַר.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך פאַרזאַמלט אין דער „רעסורסאַ קופּיעצקאַ" אַ 500 שטאָטישע בירגער פון אַלע שיכטן, צווישן זיי אויך דער פירער פון דער גרויס־בורזשואַזיע קראָנענבערג, יורגענס און אויך אַ פאָרשטייער פון די „רויטע", אַגאַטאָן גיללער. אויף קראָנענבערגס פאָרשלאַג איז איינשטימיק באַשטעטיקט געוואָרן דער באַשלוס פון דער דערמאָנטער פאַרזאַמלונג אין קאַנטס צוקערניע צו שיקן אַ דעלעגאַציע, און מען איז צוגעטרעטן אַדורכפירן נייע וואַלן פון דער „דעלעגאַציע", וועלכער עס זאָל ווערן אָנפאַרטרויט די אָנפירונג מיט דער שטאָט, און וועלכע זאָלן האָבן די רעכט ארויסצוגעבן פאַראָרדענונגען לויט איר איינזען. בשעת דעם אָנגעבן קאַנדידאַטן צו דער דעלעגאַציע, האָט איינער פון די אָנוועזנדיקע יוגנטלעכע ארויסגערוקט מייזעלס׳ קאַנדידאַטור. די פאַרזאַמלטע האָבן מסכים געווען אויף מייזעלס׳ קאַנדידאַטור, דער מאָנענדיק דערביי זיינע רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישע פאַרדינסטן פאַרן פאָטערלאַנד נאָך פון יאָר 1848. אין דער דעלעגאַציע זענען געוואָרן אויסגעוויילט 14 מאַן. די דעלעגאַציע האָט אויסגעטיילט 8 מאַן, צווישן זיי הרב מייזעלס און זיי געשיקט צום נאַמיעסטניק גאָרטשאַקאָוו, בכדי אים פאָרצושטעלן די פאָלגנדיקע פּאָסטולאַטן: דערלויבן איינצואָרדענען אַ פייערלעכע לוויה פאַר די 5 געפאַלענע, צוריקציען דאָס מיליטער אין די קאַזאַרמעס, געבן דימיסיע דעם אָבערפּאָליציי־מייסטער טרעפּאָוו. דער דערשראָקענער גאָרטשאַקאָוו, מורא האָבנדיק אַז די עקסטרעם־רויטע עלעמענטן זאָלן נישט אויסנוצן די געשאַפענע לאַגע און ארויסרופן אַן אויפשטאַנד, האָט נישט בלויז נאָכגעגעבן די פאָדערונגען, נאָר אויך איבערגעגעבן דער דעלעגאַציע די מאַכט איבער דער שטאָט ביז איבער דער לוויה.

ווי מיר זעען, האָבן די לעצטע טעג פון פעברואַר 1861 געהאַט אַ וויכטיקע באַדייטונג אין דער געשיכטע פון קאָנגרעס־פּוילן. די שטאָטישע בורזשואַזיע האָט אָנגעהויבן ארויסצואווייזן אַ זעלבשטענדיקע פּאָליטישע איניציאַטיוו, צונעמענדיק ביי דער שליאַכטישער „לאַנדווירטשאַפטלעכער געזעלשאַפט" דעם מאָנאָפּאָל פון פּאָליטישער אָנפירונג אין לאַנד.

מייזעלס, וועלכער האָט שוין געהאַט הינטער זיך די דערפאַרונג פון דער בורזשואַזער רעוואָלוציע אין יאָר 1848 אין עסטרייך, האָט געהעריק דערשאַצט די לאַגע. ער האָט געזען די מעגלעכקייט צו פאַרוואַנדלען איצט וואַרשע (און קאָנגרעס פּוילן בכלל) אין אַ ווין פון 1848טן יאָר. ער האָט געגלייבט אַז עס איז געקומען די צייט און די נויטווענדיקייט ארויסצוטרעטן עפנטלעך און באַוועגן די יידישע פאָלקסמאַסן צו נעמען אַן אָנטייל אין די פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס און אין די אַקציעס קעגן דעם אָקופּאַנטישן יאָך.

אַ געלעגנהייט דערצו האָט ער געזען אין דער לוויה פון די פינף געפאַלענע קרבנות בעת די געשעענישן פון 27טן פעברואַר,

וועלכע די „דעלעגאַציע" האָט אָרגאַניזירט אויף דעם 2טן מאַרץ. מיט אַ טאָג פריער איז געמאָלדן געוואָרן אין דער פּרעסע, אַז אין דער לוויה וועלן זיך באַטייליקן די יידישע גייסטלעכע אין זייער רבנישער טראַכט, און אַז אין איינקלאַנג מיטן יידישן ריטואַל וועלן די יידן, וועלכע נעמען אָנטייל אין דער לוויה, נישט דאַרפן גיין מיט אַנטבלויזטע קעפּ. די מעלדונג איז געווען אַ פּאַקטישער רוף פון מייזעלסן צו אַלע יידן פון וואַרשע, זיי זאָלן זיך באַטייליקן אין דער לוויה.

אין דער לוויה האָט זיך באַטייליקט כמעט די גאַנצע וואַרשעווער באַפעלקערונג, קריסטן און יידן. זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די גרעסטע איינהייטלעכע מאַניפעסטאַציע פון יידן און פּאָליאַקן. דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע פון פּוילן האָט מען געזען יידישע רבנים אויף אַ קריסטלעכער לוויה און דעם הויפּט־רב מייזעלס געאָרעמט מיטן אַרצעביסקופּ פיאַלקאָווסקי. ביי די קברים פון די געפאַלענע האָט מייזעלס געזאָגט די תפילה „קדיש". ער האָט דערמיט אונטערגעשטראָכן, אַז די יידן אין פּוילן געפינען זיך אין טרויער נאָך די געפאַלענע פּוילישע פּאַטריאָטן. נאָך דער לוויה האָט מייזעלסן באַגלייט די פּוילישע און יידישע אַקאַדעמישע יוגנט.

מייזעלס פּאַטריאָטישע שטעלונג און די באַטייליקונג פון די יידן אין דער לוויה האָבן געפונען אַ טיפן אָפּקלאַנג ביי דער וואַרשעווער באַפעלקערונג. אַגאַטאָן גיללער גיט איבער די שטימונג וועלכע האָט געהערשט ביי די פּוילישע פאָלקסמאַסן נאָך דער לוויה, שרייבנדיק:

> „אין די קברים פון די פינף געפאַלענע זענען באַגראָבן געוואָרן די קעגנזייטיקע פאָראורטיילן און רעליגיעזע איבערגלויבנס, און דאָ ביי די קברים איז אויסגעפירט געוואָרן דער ערשטער אַקט פון אריינפירן די יידן אין די רעכט פון פּוילישער בירגערשאַפט און ליבע".

אין אַ מיטטיילונג פון אַ קאָנפידענט צום גענעראַל־פּאָליציי־מייסטער ווערט אַזוי געזאָגט:

> „די באַטייליקונג פון די יידן אין דער לוויה, און מייזעלסי אָפּריכטן תפילות פאַר די קרבנות זענען אַן אָנזאָג פון נייע צייטן, ווייזט אויס, אַז די פּאָליאַקן האָבן אויף אַן אמת געענדערט זייער באַציאונג צו די יידן. זיי באַמיען זיך אויף יעדן טריט ארויסצואווייזן צו זיי זייער פריינדלעכע באַציאונג".

נישט בלויז די פּאָליאַקן און יידן האָבן געזען אין דער לוויה־מאַניפעסטאַציע דעם אויסדרוק פונעם איבערבראָך וואָס איז פאָרגעקומען אין זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען, אויך די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן, וועלכע זענען געווען אַקרעדיטירט אין וואַרשע, האָבן געהאַלטן פאַר וויכטיק מיטצוטיילן זייערע רעגירונגען וועגן אָט דער געשעעניש. אַזוי האָט דער עסטרייכישער גענעראַל־קאָנסול לעדערער ארויסגעשיקט אַ ראַפּאָרט קיין ווין מיטן ווייטערדיקן אינהאַלט:

> „די רבנים האָבן זיך אויך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג. דער הויפּט־רב מייזעלס איז בעת דער לוויה געגאַנגען געאָרעמט מיטן קאַטוילישן ארציביסקופּ. נישט געקוקט דערויף, וואָס לויט דעם יידישן ריטואַל דאַרפן רבנים זיך נישט געפינען אויפן שטח פון אַ קאָשציאָל, האָט ער (מייזעלס) זיך דאָרטן געפונען".

פאַר מייזעלסן איז די עפנטלעכע מאַניפעסטאַציע בעת דער לוויה געווען אַן איבערגאַנג פון אַבסטראַקטער פּראָפּאַגאַנדע פאַר יידיש־פּוילישער דערנענטערונג צו אַ דירעקטער געמיינזאַם־פּאָליטישער אַקציע, צו אַקטיוון קאַמף.

די וויכטיקסטע פּאָליטישע אַקציע אין יענעם מאָמענט איז געווען דאָס מאַסנהאַפטע אונטערחתמענען דעם דערמאָנטן „אדרעס" צום צאַר. נישט דאָ איז דאָס אָרט אָפּצושטעלן זיך אויף דער גענעזע און אויפן אינהאַלט פון דעם „אדרעס". אַ פאַקט איז, אַז הגם ער איז אָנגעשריבן געוואָרן דורך עדמונד סטאַוויסקי, אַ מיטגליד פון דער „לאַנדוו. געזעלש." ביי דער מיטרעדאַקציע פון איגנאַצי קראַשעווסקי, זענען אויך די „רויטע" אין יענעם מאָמענט נישט ארויסגעטרעטן קעגן אים. דאַנילאָווסקי, אַ טוער פון די „רויטע", דריקט זיך אַזוי אויס וועגן דעם „אדרעס" אין זיינע זכרונות:

„ער האָט דערמאָנט אין קאַרגע אָבער אין ווערדיקע אויסדרוקן וועגן די רעכט פון אונדזער נאַציאָנאַליטעט".

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, איז פאַר די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן נישט געווען אַזוי וויכטיק דער אינהאַלט פון דעם „אדרעס", ווי דער פאַקט, וואָס דורך דער אַקציע פון זאַמלען חתימות איז דערמעגלעכט געוואָרן צוצוקומען צו די פאָלקסמאַסן און וועקן ביי זיי דעם געדאַנק פון קאַמף פאַר באַפרייאונג.

מייזעלס האָט דעריבער פאַרטיידיקט די נויטווענדיקייט פונעם „אדרעס" אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג פון דער וואַרשעווער „עליטע" אין זאַמאָיסקיס פאַלאַץ און געלייגט זיין חתימה אויף אים דער ערשטער צוזאַמען מיטן אַרצביסקופ פיאַלקאָווסקי, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער „אדרעס" האָט לגמרי נישט באַרירט די פראַגע וועגן רעכט פאַר יידן (אַזוי ווי ער האָט נישט באַרירט קיין אַנדערע קאָנקרעטע פראַגעס). ער האָט אויך אויפגעהויבן פאַרן „אַדרעס" אַ ברייטע אַגיטאַציע איבערן גאַנצן לאַנד. אינעם טאָג פון דער לוויה, ד"ה דעם 2טן מאַרץ, האָט מייזעלס אַרויסגעשיקט אַ צירקולאַר, אַדרעסירט „צו אונדזערע ברידער יידן, רבנים, אָנפירער פון די קהילות, גאָטספאָרכטיקע אין יעדער שטאָט פון אונדזער לאַנד", אין וועלכן ער איז מודיע:

„מיר דאָ אין וואַרשע האָבן איינגעזען פאַר ריכטיק און גוט, און אַלע האָבן אונטערגעשריבן דעם „אדרעס". נאָך אַ געהעריקן פאַרטראַכטן זיך אין די ווערטער פון אונדזער הייליקן נביא ירמיהו (קאפי כ"ט) „זאָרגט וועגן דעם וואויל פון דער שטאָט, וואו איר געפינט זיך, ווייל פון איר וואויל איז אָפּהענגיק אייער וואויל". — ודרשו את שלום העיר אשר הגליתי אתכם שמה והתפללו בעדה אל ה' כי בשלומה יהיה לכם שלום —. הער בראָניסלאַוו יאַרעצקי באַזוכט איצט די פראָווינצשטעט כדי צו זאַמלען חתימות. איך האַלט פאַר ריכטיק, איר זאָלט טאָן ווי מיר און אונטערשרייבן דעם „אדרעס".

אויסער דעם קורצן צירקולאַר און דער אַגיטאַציע דורך דער פאַרצווייגטער פריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ, וואָס מייזעלס האָט געפירט, איז אונטער זיין רעדאַקציע אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גרעסערער אויפרוף צו די יידן אין פוילן וועלכער איז פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּליאַרן איבערן גאַנצן לאַנד. דער אויפרוף, וועלכער איז אַדרעסירט „אין נאָמען פון גאָט פון ישראל און פון די אָנפירער פון דער אָרטיקער וואַרשעווער קהילה צו אונדזערע ברידער יידן, וועלכע וואוינען אין פוילישן לאַנד", הייבט זיך אָן מיט דער פעסטשטעלונג, אַז די יידן אין לאַנד האָבן זיכער געהערט וועגן די געשעענישן פון דער פאַרגאַנגענער וואָך. דער אויפרוף באַטאָנט, אַז עס איז דאָ איצט אַ האָפענונג זיך צו באַפרייען פון דער אונטערדריקונג און פון דעם שווערן יאָך. דער אויפרוף שטעלט פעסט, אַז במשך פון 30 יאָר, ד"ה פון יאָר 1831 אָן, זענען אַרויס איבער 100 פאַראָרדענונגען וועגן יידן, וועלכע האָבן געהאַט פאַר אַ ציל נאָך שווערער צו מאַכן די יידישע לאַגע. פון אַלע יידן אין אייראָפּע זענען בלויז די יידן אין קאָנגרעס־פוילן פאַרבליבן אונטער דער לאַסט פון מיטל־עלטערלעכן באַרבאַריזם. ווייטער ווייזט דער אויפרוף אָן, אַז פון דער פאַרזיכערונג פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן וועגן גלייך־באַרעכטיקונג פאַר יידן איז גאָרנישט געוואָרן. ער דערמאָנט די גזירה קעגן דער יידישער הלבשה, ווען מען האָט געשלעפּט זקנים איבער די גאַסן, ווי הינט, און אָפּגעשניטן זיי די בערד. דערביי זאָגט דער אויפרוף, אַז די באַאַמטע, וועלכע האָבן גענומען אָנטייל אין די שענדלעכע אַקטן זענען געווען די אויסוואורפן און פאַררעטער פונעם פוילישן פאָלק. דער בעסטער באַווייז איז, שרייבט דער אויפרוף, אַז ביז 1831, ווען די מאַכט איז געווען אין די פוילישע הענט, האָט מען נישט געהערט וועגן אַזעלכע געמיינהייטן.

דער אויפרוף גייט איבער פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, פון וועלכן מען האָט געהאָפט אויף ליכט, אָבער אָנגעקומען איז פינצטערניש, — צו דער איצטיקער צייט. דער אויפרוף מאַכט, כלומרשט אַ קאָמפּלימענט דעם איצטיקן צאַר, אַז ער וויל יושר, אָבער דער רשע מוכאַנאָוו האָט זיך צוגעקליבן מענטשן, וואָס זענען שונאים פון די פאָליאַקן און יידן, און שרייבט כסדר קיין פעטערבורג קעגן זיי. צוליב דעם ווערט נישט דערהערט די שטים פון די איידעלע פאָליאַקן, וועלכע האָבן ליב אַלע איינוואוינער פון לאַנד אָן אונטערשייד פון רעליגיעזער אָנגעהעריקייט. דערקעגן דער המן (ד"ה מוכאַנאָוו) זייט שנאה צווישן די פאָליאַקן און יידן און אין זיין דינסט האָט לעשניעווסקי צוויי יאָר געפירט אַן אַנטי־יידישע העצע. לויט דער איניציאַטיוו פון דעם זעלבן המן איז פאָרגעקומען דער פאָגראָם אין שטעטל טורעק און עס איז פאַרשוועכט געוואָרן די יידישע שול. דער אויפרוף שרייט אויס פאַטעטיש:

„ברידער יידן, דרייסטקייט און מענערישקייט! זאָלן מיר אָננעמען מיט דער גאַנצער איבערגעגעבנקייט די ברידערלעכע האַנט, וואָס איז אונדז אויסגעשטרעקט געוואָרן. מיר האָבן געזען די ערשטע מענער פון לאַנד גיין צוזאַמען מיט אונדזערע גייסטלעכע ביי דער לוויה פון די פינף געפאַלענע קרבנות, וואָס זייער אומשולדיק בלוט האָט געפלאָסן איבער די גאַסן פון אונדזער שטאָט".

צום סוף פאָדערט אויף דער אויפרוף די יידן, זיי זאָלן אונטערשרייבן דעם „אדרעס" און פאַראייניקן זייער שטים מיט אַלע בירגער פון לאַנד. דאָס איז דער איין־און־איינציקער וועג, וואָס פירט צום וואויל פון לאַנד.

דער אויפרוף פונעם הויפּט־רב האָט געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. ווען מען נעמט אין אַכט די גרויסע מאַכט וואָס מוכאַנאָוו, וועלכן מען האָט אין וואַרשע גערופן „גרויס־וויזיר", האָט פאַרמאָגט, איז דאָס, וואָס איז געשריבן געוואָרן וועגן אים אין אויפרוף, געווען ממש אַ רעוואָלוציאָנערער שריט. די צאַרישע רעגירונג איז טאַקע געווען אויסער זיך. דער גענעראַל קאָטצעבוא, וועלכער איז געווען דער פאַקטישער לייטער פון דער רעגירונג אין וואַרשע, האָט אינפאָרמירט דעם עסטרייכישן גענעראַל־קאָנסול לעדערער, אַז דער הויפּט־רב מייזעלס האָט געשריבן צו די יידן, זיי זאָלן באַטראַכטן די צאַרישע רעגירונג פאַר המנס און צוטרעטן צו דער פוילישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. די אינפאָרמאַציע האָט לעדערער ווייטער ראַפּאָרטירט קיין ווין דעם 17טן מאַרץ, אונטערשטרייכנדיק אַז דער הויפּט־רב איז דערזעלבער וואָס איז געווען אין די פריערדיקע יאָרן רב אין קראָקע.

דער אויפרוף האָט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן איינדרוק אין די דיפּלאָמאַטישע קרייזן, אַז מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט לעדערער געמוזט צושיקן אַ קאָפּיע פונעם אויפרוף קיין ווין, באַגלייטנדיק זי מיט אַט דער צושריפט:

„דער אויפרוף פון הויפּט־רב מייזעלס צו די יידן אין גאַנץ פוילן, וועלכן איך שיק איבער אייער עקסצעלענץ, איז אַן אָפענע קריגס־דערקלערונג. עס איז אוממעגלעך, אַז די רוסישע רעגירונג זאָל אַ מאָל קאָנען פאַרגעסן די חרפּה וואָס די פּראָקלאַמאַציע האָט איר אָנגעטון".

די פאַרבינדונג פון די פאָליאַקן און יידן, וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק אין די געמיינזאַמע פּאַטריאָטישע אַקציעס, האָט צעשטערט די קינסטלעכע באַריערן, וועלכע האָבן אָפּגעטיילט די צוויי פעלקער פון איין לאַנד. דיסקאָנטירן גלייך די דערגרייכטע פאַרברידערונג און געבן איר אַ געזעצלעכע פאָרעם דורך געבן די יידן גלייכע רעכט, איז דערווייל געווען אוממעגלעך, ווייל די געזעצגעבערישע מאַכט האָט זיך געפונען אין פרעמדע אָקופּאַנטישע הענט. מייזעלס און אַנדערע טוער האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס איז נאָך נייטיק צו געשטאַלטיקן די פאַרברידערונג אין קאָנקרעטע מעשים, לכל־הפחות אין אָפּשאַפן יענע באַגרענעצונגען, וועלכע זענען אָפּהענגיק פון דער פוילישער געזעלשאַפט גופא. צוליב דעם האָבן מייזעלס און די אַנדערע יידישע טוער זיך באַמיט, אַז די האַנטווערקער־ און סוחרים־אָרגאַניזאַציעס זאָלן אָננעמען באַשלוסן צו ליקווידירן דעם דורותדיקן קאַמף פון די פוילישע אָרגאַניזאַציעס קעגן זייערע יידישע פאַך־קאָלעגן.

די ערשטע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דורכגעפירט אַזאַ באַשלוס, איז געווען די וואַרשעווער סוחרים־פאַראייניקונג. קסאַווערי שלענקער, דער עלטסטער פון דער סוחרים־פאַזאַמלונג, האָט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג אויף דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון 17טן מאַרץ, עס זאָלן ליקווידירט ווערן די טאָפּלטע ליסטעס וועלכע זענען איינגעפירט געוואָרן אין יאָר 1817, ד"ה אַ באַזונדערע פאַר קריסטלעכע און אַ באַזונדערע פאַר יידישע סוחרים, און דערמיט געבן די יידן גלייכע רעכט אין די וואַלן צו די אָנפירנדיקע אינ־

סטאַנצן פון דער סוחרים־פאַראייניקונג. דער פאָרשלאָג איז פייערלעך אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק.

אין דעם פּראָטאָקאָל פון דער פאַרזאַמלונג, וועלכער איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורך 135 פּוילישע סוחרים, ווערט דער באַשלוס מאָטיווירט מיט די ווערטער:

„...כדי צו ברענגען עפנטלעך און גענוג הויך צום אויסדרוק די אַנטפּלעקונג פון טאָלעראַנץ פאַר די אָנגעהעריקע צו משהס גלויבן, וועלכע האָבן באַוויזן אַ לעבעדיקע סימפּאַטיע פאַר דער אַלגעמיינער זאַך בעת די לעצטע געשעענישן אין לאַנד".

באַלד צו מאָרגנס האָט די סוחרים־פאַראייניקונג צוגעשיקט צו מייזעלסן אַ בריוו מיט אַ קאָפּיע פון פּראָטאָקאָל, אין וועלכן זיי זענען אים מודיע וועגן באַשלוס. דער בריוו ענדיקט זיך מיט די ווערטער:

„...אַזאַ עפנטלעכע דערשיינונג פון טאָלעראַנץ און פון פאַרשטיין דעם איצטיקן מאָמענט אויפן וועג פון פאָרשריט מצד דער וואַרשעווער סוחרים־פאַראייניקונג, וועט דינען אַנדערע געזעלשאַפטלעכע שיכטן אונדזערע ווי אַ ביישפּיל צוצואיילן דאָס אַזוי נויטיקע צונויפגיסן זיך פון די יידן און קריסטן פאַר דער נאַציאָנאַלער זאַך".

אויף דעם האָט מייזעלס אָפּגעענטפערט מיט אַ לענגערן בריוו, אין וועלכן ער שרייבט צווישן אַנדערע:

„...דער דאָזיקער פאַל פון אָפענער רעליגיעזער טאָלעראַנץ און ברידערלעכער פאַראייניקונג מיט די אָנהענגער פון משהס גלויבן, איז אַ טאָפּלטע פרייד פאַר מיין האַרץ, ווייל ער באַווייזט פון איין זייט אייער בפירושן פאָרשריט אויפן וועג פון בילדונג, מאָראַלישער דערציאונג און פון באַגרייפן דעם טובת־הכלל".

...דאַנקען פאַר דעם דאָזיקן טאַט פון דעם חשובן עלטסטן ווי אויך פון דער גאַנצער סוחרים־פאַראייניקונג וואָלט באַדייט אַ באַליידיקונג פאַר דעם איידעלן גערעכטיקייטס־געפיל, פאַר די גערעכטע איבערצייגונגען, וואָס זייער ציל איז דער וואויל פונעם לאַנד... דעם אויבן־געבראַכטן אויפרוף, צוזאַמען מיט דער דאַטע און מיטן נומער, פון דעם עלטסטן־אַמט וועל איך פאָרשטעלן דעם קהילה־דאָזאָר, כדי וועגן דעם געבן צו וויסן דעם קהל".

ווי עס איז צו זען פון דעם ענטפער, האָט מייזעלס געזען אין דעם באַשלוס פון די וואַרשעווער פּוילישע סוחרים אַ באַווייז פון דער גערעכטיקייט פון זיין פּאָליטישער ליניע. מייזעלס האָט צו מאָרגנס, דעם 21טן אַריינגעשיקט אין דער פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהילה אַ קאָפּיע פון דעם בריוו און דעם באַשלוס פון דער סוחרים־פאַרזאַמלונג מיט זיין ענטפער, דערמאָנענדיק דערביי, אַז עס איז נייטיק די קאָרעספּאָנדענץ אָפּצודרוקן אין אַ ספּעציעלער אויסגאַבע און פונאַנדערטיילן זי אין די בתי־מדרשים, שולן און בכלל פאַרשפּרייטן צווישן די יידן. די קהילה־פאַרוואַלטונג האָט אָפּגעוואָרפן זיין פאָרשלאָג מיטן מאָטיוו, אַז דער באַשלוס איז שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער פּרעסע, און עס איז נישט נייטיק ספּעציעל אים איבערצוגעבן דער יידישער עפנטלעכקייט.

פון דעם איז קלאָר, אַז מייזעלס האָט געוואָלט, אַז דעם באַשלוס זאָלן קענען נישט בלויז די יידן, וועלכע לייענען די פּוילישע פּרעסע, נאָר אויך די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, און זי זאָל זיך באַקענען מיטן דערמאָנטן קאָרעספּאָנדענץ־אויסטויש. די קהילה־פאַרשטייער זענען באַשטאַנען אין גרעסטן טייל פון אַזאַ קלאַסן־עלעמענט וואָס איז נישט געווען פאַראינטערעסירט אין פאַרשפּרייטן אַזאַ קאָרעספּאָנדענץ, זיי האָבן געקוקט קרום אויף דעם הויפּט־רב, וואָס איז, לויט זייער מיינונג, פאַרקראָכן צו ווייט. זיי האָבן אים חושד געווען, אַז ער וויל אויסנוצן די קאָרעספּאָנדענץ לשם אַגיטאַציע אין דער יידישער סביבה פאַר אַזעלכע רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישע צוועקן, וועלכע זאָלן דערפירן צו „נישט געוואונטשענע" האַנדלונגען.

אין דריי טעג אַרום איז אַ באַשלוס פון גלייך־באַרעכטיקן די יידישע בעלי־מלאכות אָנגענומען געוואָרן דורך די צעכן. אויף דער פאַרזאַמלונג פון די עלטסטע פון די וואַרשעווער צעכן איז דער פאָרזיצער יוזעף קוויאַטקאָווסקי אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעדע. ער האָט געזאָגט צווישן אַנדערן:

„...פוילן נייטיקט זיך אין דעם, אַז אַלע, וואָס זענען דאָ געבוירן געוואָרן, זאָלן זיך פילן ווי ברידער. לאָמיר דעריבער באַזייטיקן די פאָראורטיילן, וואָס שטעלן אַוועק צווישן אונדז אַ מחיצה, און זאָלן די אמונות אונדז נישט פונאַנדערטיילן. דעם 27טן פעברואַר 1861 האָט זיך יידיש בלוט צונויפגעמישט מיט בלוט פון קריסטן, מיט דעם האָבן די יידן באַוויזן, אַז זיי זענען פּאָליאַקן. דעריבער טאָרן מיר זיי נישט אָפּשטויסן פון אונדז. צי זענט איר גרייט צוצושטימען, אַז פון היינט אָן וועט איר אין אייערע וואַרשטאַטן נישט מאַכן קיין שום אונטערשייד צווישן יידן און קריסטן? צי זענט איר גרייט צוצולאָזן יידן אין די צעכן?".

אַלע פאַרזאַמלטע האָבן זיך איינשטימיק אַרויסגעזאָגט פאַר צולאָזן די יידן אין די צעכן און האַנטווערקער־אָרגאַניזאַציעס. קוויאַטקאָווסקיס רעדע און דער אַלגעמיינער באַשלוס איז צוגעשיקט געוואָרן מייזעלסן און איז תיכף דורך אים פונאַנדערגעשיקט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

אין דער צייט האָט מייזעלס געהאַלטן פאַר נייטיק זיך צו ווענדן צו די יידן פון די פּראָווינצשטעט און דערפער מיט אַן אויספירלעכן באַריכט פון דער לאַגע און געבן זיי אָנווייזונגען. אין דער ווענדונג ווייזט ער קודם־כל אָן אויף דער נישט־ריכטיקער האַנדלונג פון די יעניקע פּחדנים, וואָס האָבן זיך פאַרשטעקט און, וועלנדיק אָפּהאַלטן אַ נייטראַלע פּאָזיציע, נישט געוואָלט פאַרעפנטלעכן זיינע פריערדיקע בריוו, אין וועלכע ער האָט גערופן צו איינִיקייט מיטן קעמפנדיקן פּוילישן פאָלק. ווי דעם בעסטן באַווייז פאַר דעם אַז דורך פאַראייניקן די כוחות פון די יידן און פּאָליאַקן קאָן מען דערגיין צום זיג, גיט מייזעלס אָן דעם פאַקט, וואָס מוכאַנאָוו, דער שונא פון די פּאָליאַקן און יידן, האָט געמוזט בחרפתו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

עס איז נאָך כדאי צו דערמאָנען, אַז די פּויליש־יידישע פאַרברידערונג האָט געפונען אַן אויסדרוק אין קאָנקרעטע אונטערשטיצונגען אויפן פילאַנטראָפּישן געביט. אַזוי ווערן אין דער דעמאָלטיקער פּרעסע אָנגעגעבן פאַקטן, אַז אין אַ סך שטעט האָבן יידן און פּאָליאַקן איבערגעשיקט גרעסערע סומעס אין די דורך זיי געשאַפענע וואוילטעטיקע אינסטיטוציעס, מאַטעריעל אונטערגעשטיצט די אָרעמערע און ווייניק־באַלוינטע אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג. אין די ראַמען פון די פאַרברידערונגס־אויסדרוקן איז אונטער מייזעלס' פאָרזיץ געשאַפן געוואָרן אין וואַרשע אַ קאָמיטעט איבערצושיקן הילף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אין סיריע, וועלכע איז פאָגראָמירט געוואָרן אין אָנהייב יאָר 1861 דורך מוזולמענישע דרוזישע שבטים אין רעזולטאַט פון די קאָנקרעטיקע פּראָוואָקאַציעס פון דער טערקישער אימפּעריע און ענגלאַנד־פראַנקרייך.

דערווייל זענען פאָרגעקומען ענדערונגען אין דער פּאָליטישער לאַגע. דאָס אָפּוואַרפן דורכן צאַר דעם „אַדרעס" האָט אַרויסגערופן ביי אַ גרויסן טייל פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג שטימונגען, אַז מען דאַרף איבעררייסן מיט דער „לעגאַלער" פּאָליטיק. די צאַרישע מאַכט ווידער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף מיט דער כלומרשטער הערשאַפט פון דער „דעלעגאַציע" און בכלל ענדיקן מיט גאָרטשאַקאָווס וואַקלדיקער פּאָליטיק.

נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין אַן אָפּשאַצונג פון דער טעטיקייט פון דער „דעלעגאַציע", ווילן מיר אָבער אונטערשטרייכן, ביים שליסן דאָס קאַפּיטל, איין געביט פון איר טעטיקייט וואָס איז אָפּגעשאַצט געוואָרן פּאָזיטיוו אפילו דורך די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן. דאָס איז די אַקטיווקייט פון דער „דעלעגאַציע" פאַר דער פאַרברידערונג צווישן דער יידישער און פּוילישער באַפעלקערונג. אַז די טעטיקייט האָט געקריגן די צושטימונג פון די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן קאָן באַווייזן אָט דער ווייטערדיקער פאַקט:

נאָך עטלעכע וואָכן טעטיקייט פון דער „דעלעגאַציע" זענען די רעוואָלוציאָנערע טוער אין וואַרשע געקומען צום באַשלוס, אַז זי ווייזט אַרויס ווייניק אַקטיווקייט און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן גיכער אין אַן אינסטרומענט, וועלכער באַרואיקט און שלעפערט איין דעם רעוואָלוציאָנערן גייסט פון דער באַפעלקערונג. דאָס האָט

באַוואויגן צונויפצוזאַמלען זיך דעם 18טן מאַרץ אונטער דער אָנפירונג פון קאַראָל נאָוואַקאָווסקי אינעם לאָקאַל, וואו די „דעלעגאַציע" האָט אָפּגעהאַלטן איר באַראַטונג. זיי האָבן דאָרטן אויסגעדריקט זייער מיינונג, אַז די „דעלעגאַציע" טוט גאָרנישט און האָט נישט קיין עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג. קאַראָל רופּרעכט — אַ מיטגליד פון דער „דעלעגאַציע", וואָס איז געווען פאַרמשפּט צום טויט פאַרן אָנטיילנעמען אינעם אויפשטאַנד פון יאָר 1831 און שפּעטער באַגנעדיקט געוואָרן — האָט גענומען אַ וואָרט און דערוויזן אַז דער פּאָרוואורף קעגן דער „דעלעגאַציע" איז נישט באַרעכטיקט, ווייל זי פאַרנעמט זיך מיט שאַפן פּראָיעקטן וועגן יידישער גלייך־באַרעכטיקונג און העלפט אַדורכפירן דעם פאַרברידערונגס־פּראָצעס מיט די יידן. נאָוואַקאָווסקי איז מסכים געווען מיט רופּרעכטן בנוגע דער פראַגע און האָט צוריקגעצויגן די פאָדערונג, אַז די „דעלעגאַציע" זאָל זיך אויפלייזן.

דערווייל האָט די אָקופּאַציע־מאַכט, ווי מיר האָבן דערמאָנט, באַשלאָסן צו נעמען זיך באַלעבאַטעווען מיט אַ שטאַרקער האַנט. צו הילף איז איר געקומען דער מאַרקגראַף וויעלאָפּאָלסקי.

דעם 23טן מאַרץ 1861 איז מאַרקגראַף אַלעקסאַנדער וויעלאָפּאָלסקי נאָמינירט געוואָרן פאַרן דירעקטאָר פון דער קאָמיסיע פאַר רעליגיע און בילדונג. נישט אין דער דאָזיקער אַרבעט איז דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן אויף וויעלאָפּאָלסקיס טעטיקייט און רעפאָרם־פּלענער, דורך וועלכע ער האָט געוואָלט געווינען אָנהענגער פאַר זיין פּאָליטיק, וועלכע האָט געהאַט פאַר אַ ציל איינצושפּאַנען די פּוילישע באַפעלקערונג אינעם צאַרישן וואָגן. עס איז אויך נישט דאָ דאָס אָרט זיך אַריינצולאָזן אין אַ דיסקוסיע מיט ד"ר יעקב שאַצקי, כדי אויפצואווייזן די נישט־ריכטיקייט פון זיין טעזע אַז „די גרעסטע האָפענונג פון די יידן, אָן אונטערשייד פון פּאָליטישער אָריענטאַציע, איז געווען דער מאַרקגראַף וויעלאָפּאָלסקי".

דאָס וואָס געהערט צו אונדזער טעמע איז — צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע: צי האָט מייזעלס געהערט צו יענע יידן, וועלכע האָבן געלייגט האָפענונגען אויף אַלעקסאַנדער וויעלאָפּאָלסקיס פּלענער? בעסער געזאָגט: צי איז מייזעלס געווען גרייט אַראָפּצוגיין פון דעם קאַמפּסצוג וועלכער האָט געדאַרפט דערפירן צו דער פולקומער באַפרייאונג פון פּוילן און אויסשטייגן אויף דער סטאַנציע „וויעלאָפּאָלסקיס גלייך־באַרעכטיקונג פאַר יידן"? — צי האָבן וויעלאָפּאָלסקיס זיסע רייד, מיט וועלכע ער האָט אויפגענומען די יידישע פאָרשטייער דעם 4טן אַפּריל, און געוואונטשן זיי גוטע רעזולטאַטן אין זייערע באַמיאונגען צו באַזייטיקן, אין די ראַמען פון שטרענגער לעגאַלקייט, די פאַרשיידענע באַגרענעצונגען כלפּי זיי, און דער האַנטדרוק, מיט וועלכן ער האָט בעת דער אויפנאַמע באַשאָנקען מייזעלסן ווי דער הויפּט־רב — צי האָבן אָט די מאַנעוורען באַוויזן צו געווינען מייזעלס' צוטרוי, ער זאָל ענדערן זיין ביז־איצטיקע איבערצייגונג? ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, איז מייזעלס געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז דער גורל פון די יידן אין פּוילן איז ענג פאַרבונדן מיט דער פולער באַפרייאונג פונעם גאַנצן פּוילישן לאַנד; ער האָט געהאַלטן, אַז די פאַרבעסערונג פון דער עקאָנאָמישער לאַגע פון לאַנד און אויך פון די יידן אין פּוילן איז אָפּהענגיק פון דעם, אַז די פּויערים זאָלן ווערן די בעלי־בתים פון זייער ערד. דערקעגן וויעלאָפּאָלסקי האָט געפּריידיקט אַ קולטור־אויטאָנאָמיע פאַר פּוילן אין די גרענעצן פון יאָר 1815, און די פּויערים האָט ער געוואָלט באַשענקען מיט אייביקן צינדז.

דעם בעסטן ענטפער אויף די פראַגעסוועט אונדז געבן מייזעלס' שטעלונג און זיין אָנטייל אין דער אַנטוויקלונג פון די ווייטערדיקע געשעענישן.

וויעלאָפּאָלסקי האָט אָנגעהויבן זיין אַמטירן פון ליקווידירן די פּוילישע אינסטיטוציעס, אפילו די וואָס האָבן פאַרמאָגט בלויז אַ שיין פון אַ געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן כאַראַקטער. אַזוי איז אויף זיין פאָדערונג אויפגעלייזט געוואָרן די „בירגערלעכע אָפּטיילונג" ביי דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וועלכע איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ יורש פון דער פריערדיקער „דעלעגאַציע". ער האָט גערופן צו זיך די קאַטוילישע גייסטלעכע און זיי שטרענג דערקלערט, אַז ער וועט זיי נישט דערלויבן צו מישן זיך אין פּאָליטיק. דעם 6טן אַפּריל איז אויף זיין דרינגענדיקער פאָדערונג פונאַנדערגעלאָזט געוואָרן די „לאַנדווירטשאַפטלעכע געזעלשאַפט".

די אַלע פאַקטן האָבן אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע אויפרעגונג צווישן אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, אָן חילוק פון זייער באַציאונג צו די פונאַנדערגעלאָזטע אינסטיטוציעס, ווייל זיי האָבן אין וויעלאָפּאָלסקיס מעשים געזען אַ דיקטאַטאָרישן טראָט קעגן זיינע קעגנער און אַ שטרעבונג צו דערשטיקן יעדע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון די פּאָליאַקן.

די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, וועלכע האָבן געזען אין וויעלאָפּאָלסקין אַן אַגענט פון דער צאַרישער מאַכט, האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן די אַלגעמיינע אויפרעגונג, און צו מאָרגנס נאָכן פונאַנדערלאָזן די „לאַנדוו' געזעלש'" אָרגאַניזירט אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דער געביידע וואו עס איז געווען דער זיצאָרט פון דער פונאַנדערגעלאָזטער געזעלשאַפט. פון דאָרטן האָט זיך די מאַסע געלאָזט צו זאַמאָיסקיס פּאַלאַץ. גראַף זאַמאָיסקי איז אַרויס אויפן באַלקאָן און זיך געווענדט צו די דעמאָנסטראַנטן מיט די ווייטערדיקע ווערטער: „וואָס איך האָב געוואָלט און וואָס איך טו ווייס איך גענוי. דאָס איז אָרגאַנישע אַרבעט פאַרן לאַנד". דערביי האָט ער געפּרוווט אויפקלערן די פאַרזאַמלטע דעם זין פון דער „אָרגאַנישער אַרבעט". צום סוף האָט זאַמאָיסקי דערקלערט: „אָבער וואָס איר ווילט און צו וואָס עס צילן אייערע מעשים ד"ה די פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציע — (א. ק.) — פאַרשטיי איך נישט".

קיינער פון די מאַניפעסטאַנטן האָט זיך נישט דערוועגט אים צו ענטפערן. דעמאָלט האָט זיך פון צווישן די דעמאָנסטראַנטן אַרויסגערוקט אַ פּראַסטער ייד, אין טראַדיציאָנעלע יידישע מלבושים, מיט באָרד און פּאות, און דערקלערט: „איך בין אַן אָרעמער נישט באַוואוסטזיניקער ייד און בין נישט אומשטאַנד גענוי דעם פאַן כראַביע אויפצוקלערן, וואָס מיר ווילן מיט די מאַניפעסטאַציעס, אָבער דאָס ווייס איך, אַז אויב איך וועל אומקומען דורך דעם צאַרישן אָקופּאַנט, וועל איך זיך גוט צודינען דעם פאָטערלאַנד".

צו מאָרגנס דעם 8טן אַפּריל האָט געדאַרפט פאָרקומען די לוויה פונעם פאַרשטאָרבענעם „סיביריאַק" קסאַווערי סטאָבניצקי. די רעוואָלוציאָנערע טוער האָבן באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען די לוויה אין אַ פּאַטריאָטישער מאַניפעסטאַציע, וועלכע זאָל אויך מאַניפעסטירן די פּויליש־יידישע פאַרברידערונג. די פּוילישע און יידישע סטודענטן האָבן זיך צונויפגערעדט, אַז אין דער זעלבער צייט, ווען עס וועט פאָרקומען סטאָבניצקיס לוויה אויפן פּאָוואָנזקער צמענטאַזש, זאָל די יידישע יוגנט אָרגאַניזירן אויפן שכנותדיקן יידישן בית־עולם אַ הזכרה נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם דירעקטאָר פון דער ראַבינער־שול אַנטאָני אייזענבוים, וועלכער איז געווען זייער פּאָפּולער ווי דער וואָס האָט פאָראויסגעזאָגט און פּראָפּאַגירט די פּויליש־יידישע פאַרברידערונג.

אויפן בית־עולם האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ סך יידן. אויך די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין סטאָבניצקיס לוויה, זענען געקומען אויפן יידישן בית־עולם בייצווויין די הזכרה. דער ראַבינער פון דער פאָרגעשריטענער נאַלעווקער שול, קראַמשטיק, האָט געהאַלטן פאַר די פאַרזאַמלטע אַ פייערדיקע פּאַטריאָטישע רעדע. די רעדע האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקן ענטוזיאַזם ביי דער גרויסער פאַרזאַמלטער מאַסע. פון טויזנטער ברוסטן האָט זיך אַרויסגעריסן דאָס פּאַטריאָטישע ליד „באָזשע צאָש פּאָלסקען", די אָנוועזנדיקע פּוילישע און יידישע יוגנט האָבן זיך געוואָרפן אין די אָרעמס און געשוואוירן ברידערלעכע ליבע און גרייטקייט צו די גרעסטע קרבנות פאַרן פאָטערלאַנד.

גיללער שילדערט אַזוי די שטימונג וואָס האָט באַהערשט די פאַרזאַמלטע:

> „. . . דאָס געמיינזאַמע געזאַנג, די רעדעס און דאָס אַרומאַרמען זיך פון די פּאָליאַקן און יידן אויף אייזענבוימס קבר זענען געווען אַ נייער באַווייז פון זייער פאַקטישער פאַרברידערונג . . . אַזוי האָבן פייערלעך פאַרהייליקט אויפן בית־עולם זייער פאַרברידערונג די צוויי צום מייסטן ליידנדיקע פעלקער אויפן ערדקיילעך".

פון בית־עולם האָט די מאַסע גערירט אין שטאָט אַריין. דערנענטערנדיק זיך צום שלאָס־פּלאַץ, האָבן זיי דערהערט אַ שיסעריי וואָס די קאָזאַקן האָבן געעפנט אויף די מאַניפעסטאַנטן, וועלכע האָבן זיך קאָנצענטרירט אויפן שלאָספּלאַץ. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, האָבן זיי זיך דערנענטערט צום פּלאַץ. די צעיושעטע

קאָזאַקן האָבן נישט געליגט קיין אַכט אפילו אויף דעם קרייץ, וואָס דער גלח האָט געטראָגן אין שפּיץ פון דער מאַסע, און געוואָרפן זיך מיט די הוילע שווערדן. ווען דער גלח איז געפאַלן אַ פאַרבלוטיקטער, האָט דעם קרייץ אויפגעהויבן דער רעוואָלוציאָנער קאַרל נאָוואַקאָווסקי, און ווען נאָוואַקאָווסקי האָט ארויסגעלאָזט דעם קרייץ, פאַלנדיק אַ פאַרוואונדעטער, האָט אים אויפגעהויבן דער יידישער סטודענט לאַנדע און אים געטראָגן פאָרויס, ביז ער איז געפאַלן טויט פון אַ קויל.

די שחיטה אויף דעם שלאָספּלאַץ, וועלכע האָט געבראַכט צענדליקער הרוגים און הונדערטער פאַרוואונדעטע, האָט ארויסגערופן אַ געוואַלדיקע אויפרעגונג אין גאַנצן לאַנד.

די פּויליש־יידישע פאַרברידערונג איז נאָך פעסטער צעמענטירט געוואָרן דורך געמיינזאַם פאַרגאָסענעם בלוט. דער סטודענט לאַנדע איז אויסגעוואַקסן צו אַ העראָאישער געשטאַלט פאַר דער פאַרברידערונג־אידעע און באַזונגען געוואָרן דורך פּוילישע פּאָעטן פון יענער צייט.

סוף מיי איז אָנגעקומען קיין וואַרשע די ידיעה וועגן טויט פון גרויסן פּוילישן היסטאָריקער און קעמפער פאַר פרייהייט, יאָאַכים לעלעוועל. די הזכרות, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן צו זיין אָנדענק, האָבן געטראָגן אַ בולטן פּאָליטיש־פּאַטריאָטישן כאַראַקטער. אויך אין די יידישע שולן אין וואַרשע זענען איינגעאָרדנט געוואָרן הזכרות מיט הספדים, און מען האָט ארויסגעלאָזט אַ ספּעציעלע ווענדונג צו די יידן אין פּוילן.

ווי עס איז צו זען, האָבן אין די דעמאָנסטראַציעס און פּאַטריאָטישע ארויסטרעטונגען, וואָס זענען געווענדט קעגן וויעלאָפּאָלסקין און דער אָקופּאַנטישער מאַכט, גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל נישט בלויז די יידישע יוגנט, נאָר אויך פּשוטע יידישע פאָלקסמענטשן. אויף וויפל מייזעלס האָט אין דער דורך אונדז באַהאַנדלטער צייט מיטגעווירקט אינעם אויפמונטערן די יידישע פאָלקסמאַסן צו אַקטיווקייט איז שווער פעסטצושטעלן, ווייל, ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט איז דער דאָקומענטאַציע־מאַטעריאַל, וואָס וואָלט געקאָנט גענוי ענטפערן אויף דעם פאַרניכטעט געוואָרן. אָבער עטלעכע אָפּגעראַטעוועטע קאָפּיעס פון דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך אין אונדזער רשות, דערווייזן, אַז אויך די געשעענישן פון אַפּריל און מיי זענען נישט געווען פריי פון מייזלס' השפּעה.

לויט דאָקומענטן פונעם נאַמיעסטניק־אַרכיוו האָט דער ניינאָמינירטער נאַמיעסטניק, מיקאָלאַי סוכאָזאַנעט, אין יוני 1861 ארויסגערופן וויעלאָפּאָלסקין און געוויזן אים אַן אויפרוף, וואָס מייזעלס האָט אין דער צייט ארויסגעשיקט צו די יידן אין פּוילן. גלייכצייטיק האָט ער באַמערקט, אַז לויט זיין מיינונג איז שוין די העכסטע צייט צו מאַכן מייזעלסן אומשעדלעך, אַז מען וואָלט געדאַרפט מייזעלסן ארויסשיקן פון די גרענעצן פון קאָנגרעס־פּוילן. וויעלאָפּאָלסקי האָט שריפטלעך געענטפערט דעם נאַמיעסטניק, אַז לויט זיין מיינונג וואָלטן רעפּרעסיעס קעגן מייזעלסן געקאָנט ארויסרופן אַ שטאַרקע אויפרעגונג צווישן די יידן און דערפירן צו אומרוען. אין רעזולטאַט פון דעם ענטפער איז דעם 21טן יוני אָפּגעשטעלט געוואָרן די געהיימע אויספאָרשונג קעגן מייזעלסן.

אויף מייזעלס' אומדערמידלעכער און פאַרצווייגטער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט שוין אין דער ערשטער צייט פון וויעלאָפּאָלסקיס אַמטירן זאָגט עדות די דרשה, וואָס מייזעלס האָט געהאַלטן ראש־השנה (6טן סעפּטעמבער) אין וואַרשע און נאָך יום־טוב זי פונאַנדערגעשיקט צו די יידישע קהילות פון קאָנגרעס־פּוילן. אַ צווייטער דאָקומענט איז אַ בריוו קיין לענטשיץ פון 11טן סעפּטעמבער.

די דרשה האָט ער אָנגעהויבן מיט דעם פּסוק פון תהילים: „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד" — „ווי גוט און אָנגענעם עס איז, ווען ברידער זיצן צוזאַמען". נאָך דעם האָט מייזעלס דערקלערט: אונדזער גרעסטער רעליגיעזער אויטאָריטעט (פּוסק), וואָס אויף זיינע פעסטשטעלונגען (הלכות) שטיצט זיך דאָס גאַנצע יידישן הויז (דאָס רעליגיעזע לעבן), — דער רמ"א (משה איסרליס קראָקעווער רב אין 16טן י"ה — א. ק.) האָט אונדז אין זיינע פאַרשריפטן וועגן דער באַציאונג פון יידן צו פעלקער פון אַנדערע רעליגיעס אָנגעוויזן, אַז דעם פּוילישן שטאַם דאַרפן מיר ליב האָבן מער ווי אַנדערע פעלקער, ווייל זיי זענען אונדזערע ברידער פון דור־דורות. דער רמ"א האָט אויך געשריבן, אַז עס איז ליבער אַ טרוקן שטיקל ברויט אין רואיקן פּוילישן לאַנד, וואו עס איז נישטאָ צו אונדז קיין שנאה. מייזעלס האָט ווייטער אָנגעוויזן אין דער דרשה, אַז אַ דאַנק דער טאָלעראַנץ פונעם פּוילישן פאָלק האָבן די פּוילישע יידן מער ווי אַנדערע לענדער זיך דערהאַלטן ביים לעבן־שטייגער און געזעצן פון זייערע אבות.

„דעריבער — רופט מייזעלס אויס — דאַרפט איר, זין פון ישראל, וואָס אין אייערע הערצער איז פאַרפלאַנצט און איבערגעגעבן געוואָרן דורך אונדזערע הייליקע אבות די מידה פון ליבע און דאַנקבאַרקייט צו די יעניקע, וועלכע טוען אונדז גוטס, — ליב האָבן דעם געבוירן־שטאַם פון אונדזער לאַנד. זאָלן מיר זיך באַמיען וועגן זייער שלום און וואויל. איך טו דעריבער דערקלערן, אַז דער חוב אונדזערער איז, מיר זאָלן ליב האָבן די זין פון פּוילישן לאַנד און נישט פאַרגעסן דאָס גוטס וואָס זיי האָבן אונדז ארויסגעוויזן".

„...מיר זענען גרייט זיי צו דערמאָנען אין דעם הייליקן אָרט (מקום קדוש) פאַר דער אינטענץ פון זייער וואויל. מיר זענען אויך גרייט מנדר צו זיין צדקה פאַר די נשמות פון זייערע פאַרשטאָרבענע פּאַטריאָטן".

מען דאַרף קענען די אינערלעכע וועלט פון דעם רעליגיעזן יידן פון 19טן יאָרהונדערט כדי צו קאָנען ווי געהעריק אָפּשאַצן דעם פאַקט, וואָס דער אַלטער הויפּט־רב פון דער גרעסטער יידישער קהילה אין אייראָפּע האָט געהאַלטן פאַר פּאַסיק און מעגלעך ארויסצוטרעטן אין דעם „פאָרכטיקן טאָג פון יום־הדין" פאַר תקיעת־שופר מיט אַזאַ מין דרשה.

פון דעם געזאָגטן איז בולט זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט אין לאַנד. נאָך דעם ווי וויעלאָפּאָלסקי איז אריינגעטראָטן אין דינסט פון דער אָקופּאַנטישער מאַכט, האָט מייזעלס פאַרשטאַרקט, דערמונטערט און צוגעגרייט די יידישע באַפעלקערונג אין וואַרשע און אין לאַנד צו די פּלאַנירטע רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישע ארויסטרעטונגען אויפן אָנקומענדיקן האַרבסט.

דער ווייטערדיקער קאַמף אין תפיסה

דער חודש אָקטאָבער פון יאָר 1861 האָט געזאָלט זיין — לויט די פּלענער פון די רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישע טוער — אַ חודש פון פאַרשטאַרקטער טעטיקייט. זיי האָבן געפּלאַנט צו אָרגאַניזירן אַ צוזאַמענפלי־מאַניפעסטאַציע אינעם שטעטל האָראָדליע (הרוביעשאָווער פּאָוויאַט). אין צוזאַמענהאַנג מיטן קאָשציושקאָ־יאָרטאָג וועלכער פאַלט אויס דעם 15טן אָקטאָבער, זענען געפּלאַנט געוואָרן מאַניפעסטאַציעס אויף די פעלדער פון מאַטשיעיאָוויץ. בשעת די צוגרייטונגען צו די דערמאָנטע און נאָך אַנדערע ארויסטרעטונגען איז אונטערגעקומען אַ געשעעניש, וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרוואַנדלען וואַרשע גופא אין אַ געביט פון די גרעסטע פּאָליטיש־פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס. דעם 5טן אָקטאָבער איז געשטאָרבן דער אַלטער אַרצבישאָף פיאַלקאָווסקי וואָס האָט געוואונען גרויס סימפּאַטיע צוליב זיין פּאַטריאָטיזם און זיין נעגאַטיווער שטעלונג לגבי דער אָקופּאַנטישער מאַכט. הרב מייזעלס האָט גערופן די יידישע באַפעלקערונג צו אַ מאַסן־אָנטייל אין דער לוויה. צו מאָרגנס, ווען עס איז אין פּאַלאַץ פונעם אַרצבישאָף עפנטלעך אויסגעשטעלט געוואָרן דער קערפער פון פאַרשטאָרבענעם, האָט זיך באַוויזן הרב מייזעלס אין זיין רבנישער טראַכט בראש פון אַ יידישער דעלעגאַציע. ביים אריינגאַנג צום פּאַלאַץ איז ער אויפגענומען געוואָרן פייערלעך דורך צוויי גלחים, און ביי אַ גרויסן ענטוזיאַזם פון די פאַרזאַמלטע פּאָליאַקן האָט ער צוזאַמען מיט דער דעלעגאַציע פאַרביימאַרשירט פאַרן ארויסגעשטעלטן קערפּער פונעם פאַרשטאָרבענעם.

אין דעם ראַפּאָרט פון דער געהיים־פּאָליציי ווערט אָנגעוויזן אויף דעם אויסערגעוויינלעכן פּאָליטישן באַדייט, וואָס די לוויה־מאַניפעסטאַציע האָט געהאַט דורך דעם, וואָס אין איר האָבן אָנטייל גענומען עטלעכע טויזנט פּויערים און געזונגען פּאַטריאָטישע לידער. אָבער דעם כאַראַקטער פון אַ ריזיקער פּאָליטישער מאַניפעסטאַציע, שטרייכט אונטער דער ראַפּאָרט, האָט די לוויה באַקומען אַ דאַנק דעם אָנטייל פון די יידישע רבנים און פון דער יידישער יוגנט.

אויף דער אויפנאַמע פאַר דער פּויערים־דעלעגאַציע, וואָס איז

צו מאָרגנס נאָך דער לוויה, דעם 11טן אָקטאָבער, איינגעאָרדנט געוואָרן אין האָטעל „איראָפּייסקי”, איז געווען אָנוועזנדיק אַ גרויסע צאָל יידישע יוגנט, וועלכע האָט געפירט אַן אַגיטאַציע צווישן די פּויערים. בעת די טאָסטן, וואָס זענען דאָרט געהאַלטן געוואָרן, איז אויך געווען איינער „פאַרן וואַוילזיין פון אונדזערע יידישע ברידער”.

דערווייל שטייגט די רעוואָלוציאָנערע שטימונג אין וואַרשע און אין גאַנצן לאַנד פון שעה צו שעה. בפרט האָבן געשטאַרקט דעם רעוואָלוציאָנערן מוט ביי דער פּוילישער באַפעלקערונג, די ידיעות וועגן שטייגנדיקן רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד גופא. אין וואַרשע האָבן זיך אויך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז הערצען איז אַרויסגעפאָרן פון לאָנדאָן קיין רוסלאַנד, כדי אָנצופירן מיט דער רעוואָלוציע, וועלכע גרייט זיך אין פּעטערבורג. די אַלע פאַקטן האָבן אַרויסגערופן באַאומרואיקונג ביים צאַר און זיין אָקופּאַנטישן אַפּאַראַט. דעם צווייטן אָקטאָבער 1861 האָט דער נאַמיעסטניק לאַמבערט געשיקט אַזאַ טעלעגראַמע צום צאַר:

„צוליב די נייע באַאומרואיקנדיקע מיטטיילונגען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער הזכרה נאָך קאָשציושקאָ, וועלכע דאַרף פאָרקומען מאָרגן, האָב איך געהאַלטן פאַר נייטיק איינצופירן תיכף קריגסצושטאַנד אין גאַנץ קרוין־פּוילן”.

נאָכן איינפירן קריגסצושטאַנד זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרן ספּעציעלע פאַראָרדענונגען. צווישן אַנדערע איז אונטער די דראָאונגען פון קריגסגעריכט פאַרבאָטן געוואָרן אָפּצוריכטן הזכרות נאָך פּאָליטישע „פאַרברעכער” און זינגען אין די קירכן פּאַטריאָטישע לידער. אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע דראָאונגען, האָבן זיך דעם 15טן אָקטאָבער שוין אין די פרימאָרגן־שעהען אָנגעהויבן זאַמלען מאַסן מענטשן אין די וואַרשעווער גאַסן.

נאָכן אָפּריכטן די הזכרה פאַר קאָשציושקאָ האָבן די פאַרזאַמלטע אין די קירכן אָנגעהויבן זינגען פּאַטריאָטישע לידער. עס איז כדאי צו באַטאָנען, אַז אין די פריערדיקער נאַכט האָט דער וואַרשעווער אייבערפּאָליצמייסטער פּילסודסקי אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג אַז אויב עס וועלן אין די קירכן געזונגען ווערן פּאַטריאָטישע לידער, זאָל די פּאָליציי תיכף אַרויסרופן מיליטער, אַרומרינגלען די קירך און אַרעסטירן ביים אַרויסגאַנג אַלע דערוואַקסענע מענער. לויט דער דאָזיקער פאַראָרדענונג זענען די קירכן באַלאַגערט געוואָרן דורך מיליטער, און די פאַרזאַמלטע זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו פאַרלאָזן די קירך. די פאַרזאַמלטע האָבן באַשלאָסן נישט אַרויסצוגיין ביז דאָס מיליטער וועט אַוועק.. די באַלאַגערונג האָט געדויערט דעם גאַנצן טאָג פון 15טן אָקטאָבער און די נאַכט אויפן 16טן, פון די טויזנטער מענער, פרויען און קינדער, וואָס זענען געווען פאַרשפּאַרט אין די קירכן, האָט זיך קיינער נישט דערוועגט צו ברעכן די סאָלידאַרישקייט און פאַרלאָזן דאָס געבעטהויז. אין די קירכן האָט זיך אויך געפונען אַ סך יידישע יוגנט, וועלכע האָט צוזאַמען מיט דער פּוילישער יוגנט צוגעגעבן פּאַטריאָטישן מוט די פאַרשפּאַרטע.

ווען עס האָט זיך צום יידישן יונגן־מאַן יעקב לובעלסקי, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך ביים אַרויסגאַנג פון דער קירך, געווענדט אַ פּאַטרול־אָפיצער און אים דערקלערט, אין נאָמען פון גענעראַל כרובאָוו, אַז אויב ער האָט נישט געזונגען, קאָן ער אומבאַשטראָפט פאַרלאָזן די קירך, האָט לובעלסקי שטאָלץ געענטפערט: „איך האָב געזונגען און פון דער קירך וועל איך נישט אַרויסגיין”. דערביי האָט ער צוריקגעצויגן אַ קריסטלעכע פרוי, וואָס האָט געוואָלט פאַרלאָזן די קירך.

פאַר טאָג פון 16טן אָקטאָבער האָט זיך דאָס מיליטער אַריינגעריסן אין די קירכן, אַרעסטירט אַלע מענער און אָפּגעפירט אין ציטאַדעל. אויפן וועג האָט מען זיי אומברחמנותדיק געשלאָגן. בפרט האָט דאָס צאַרישע מיליטער אַרויסגעוויזן אַ ספּעציעלע שנאה צו די סטודענטן און יידן, וועלכע האָבן געמוזט דעם וועג צום ציטאַדעל אַדורכמאַכן מאַרשירנדיק אין רייען, ווי קריגס־געפאַנגענע.

ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער פּראָפאַנאַציע פון דער בערנאַרדינער קירך און פון דער קירך פון „הייליקן יאַן” דורך אַריינרייסן זיך פונעם מיליטער און אַדורכפירן אַרעסטן, איז די קאָנסיסטאָריע געצוואונגען געווען, אונטערן דרוק פון פאָלק, צו פאַרמאַכן אַלע קירכן אין וואַרשע.

מייזעלס האָט געהאַלטן, אַז דאָס אַריינרייסן זיך פון מיליטער אין די קירכן און דאָס אַדורכפירן דאָרטן מאַסן־אַרעסטן, אויך דאָס אַרעסטירן אַ סך יידן, וועלכע האָבן געהאַט, לויט זיין מיינונג, דאָס רעכט צו זיין אָנוועזנדיק אויף אַ פּאַטריאָטישער הזכרה — איז נישט קיין קאַטוילישער־רעליגיעזע פראַגע, נאָר אַן ענין פון באַליידיקן און טעראָריזירן דאָס פּוילישע פאָלק. צוליב דעם דאַרפן אויך די יידן ענטפערן דער אָקופּאַציע־מאַכט מיטן זעלבן פּראָטעסט ווי די קאַטאָליקן, ד״ה מען דאַרף פאַרמאַכן די יידישע שולן. מייזעלס האָט פאָרגעלייגט די פריידיקער פון די פּראָגרעסיווע שולן ד״ר יאַסטראָוו און קראַמשטיק זיין פּלאַן, אויף וועלכן זיי האָבן תיכף מסכים געווען. וועגן דעם האָט זיך דערוואוסט די מאַכט, און דער וואַרשעווער אייבערפּאָליצמייסטער פּילסודסקי האָט אַרויסגערופן מייזעלסן, יאַסטראָוון און קראַמשטיקן און זיי מתרה געווען אין נאָמען פון נאַמיעסטניק, אַז ער וועט זיי מאַכן פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פאַרמאַכן די שולן. פאַרשטייט זיך אַז איצט, נאָך דעם בפירושן פאַרבאָט, איז דאָס פאַרמאַכן די שולן געווען פאַרבונדן מיט אַ דירעקטער געפאַר. מייזעלס האָט אָבער באַשלאָסן, אַז יידן מוזן פאַר יעדן פּרייז אַרויסווייזן זייער פּראָטעסט און סאָלידאַרישקייט מיטן פּוילישן פאָלק, און דאָס איז אין געגעבענעם מאָמענט מעגלעך נאָר דורך פאַרמאַכן די שולן. צוליב דעם האָט מייזעלס אַרויסגערופן צו זיך אויף אַ באַראַטונג די דאָזיקע פאַרשטייער פון די שולן און זיי איבערגעגעבן זיין פריערדיקן פּלאַן צוזאַמען מיטן פאַרבאָט פונעם נאַמיעסטניק. כדי צו געווינען די דאָזיקע פאַר זיין פּלאַן האָט ער זיי פאָרגעלייגט אַז די דאָזיקע זאָלן מעלדן דער פּאָליציי, זיי זענען געצוואונגען געווען צו שליסן די שולן צוליב דער געפאַר, אַז די פּוילישע יוגנט זאָל באַזוכן די שולן און זינגען דאָרטן פּאַטריאָטישע לידער. די פאַרזאַמלטע האָבן מסכים געווען מיט מייזעלס׳ פאָרשלאָג און דעלעגירט מייזעלסן, יאַסטראָוון און קראַמשטיקן צום אייבערפּאָליצמייסטער, כדי אים צו מעלדן וועגן זייער באַשלוס. דעם 18טן אָקטאָבער זענען אַ טייל שולן אין וואַרשע, אויף מייזעלס׳ באַפעל, פאַרמאַכט געוואָרן. די יידישע דעמאָנסטראַציע, — וואָס האָט זיך נישט גערעכנט מיטן בפירושן פאַרבאָט — און דאָס, בשעת וואַרשע געפינט זיך אין קריגסצושטאַנד — האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די אָקופּאַנטישע מאַכט. לויטן אויפטראָג פון דעם נייעם נאַמיעסטניק, ליידערס, האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר קריזאַנאָווסקי דעם 28טן אָקטאָבער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו אַרעסטירן מייזעלסן, יאַסטראָוון און קראַמשטיקן. זיי זענען טאַקע ביי נאַכט געוואָרן אַרעסטירט און אָפּגעפירט אינעם ציטאַדעל.

יאַסטראָוו שילדערט דעם ערשטן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף אים געמאַכט די ידיעה, אַז מייזעלס איז אַרעסטירט, און ווי אַזוי ער האָט זיך געטראָפן מיט מייזעלסן, בעת מען האָט אים געפירט אין פּאַווילאָן. ער דערציילט: „ווען דער אָפיצער, וואָס האָט מיך געפירט, האָט מיר געזאָגט, אַז אויך מייזעלס און קראַמשטיק זענען אין דער זעלביקער נאַכט אַרעסטירט געוואָרן, האָט מיך אָנגענומען אַ רחמנות אויף דעם איידעלן מייזעלס און אויף קראַמשטיקן, וואָס איז געווען אַ מטופל מיט קינדער”.

ווייטער שרייבט יאַסטראָוו: „אינעם קאָרידאָר פון ערשטן פּאַווילאָן האָב איך געטראָפן מייזעלסן, וואו מען פירט אים אין דער צעלע אַריין. מייזעלס האָט געהאַלטן אין האַנט אַ בוך, וועלכן ער האָט צוגעדריקט צו זיך אַזוי ווי אַ טייערן פריינד. איך האָב אים אין דער האַלב־פינצטערניש דערקענט לויט זיין דערהויבענעם שטאָלצן גאַנג”.

וואָכן לאַנג האָט געדויערט די אויספאָרשונג. עטלעכע מאָל אין טאָג פלעגט מען דעם 64יעריקן זקן אַרויספירן אויף פאַרהערן, כדי אים פיזיש אויסצומאַטערן און דערמיט צווינגען זיך מודה זיין אין זיין „פאַרברעכן”, און דער עיקר, אַרויסבאַקומען פון אים די נעמען פון די אָנפירנדיקע רעוואָלוציאָנערן. ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט די אויספאָרשונגס־קאָמיסיע זיך געווענדט שריפטלעך צו אים און צו יאַסטראָוון און פאַרלאַנגט אַ שריפטלעכן ענטפער אויף די ווייטערדיקע פראַגן:

1. פאַר וואָס האָבן די יידן, ווען זיי זענען פאַרפאָלגט געוואָרן דורך קריסטן (לייען: פּאָליאַקן — א. ק.) זיך נישט געווענדט מיט זייערע אָנקלאַגעס צו דער רעגירונג, ד״ה צום נאַמיעסטניק?

2. וואָס דערוואַרטן די יידן פון זייער פאַראייניקונג מיט די קריסטן?

3. ווי אַזוי איז די יידיש־קריסטלעכע פאַראייניקונג צושטאַנדגעקומען, און וועלכע פּערזאָנען זענען צום טעטיקסטן ביים דורכפירן די פאַראייניקונג?

די פראַגעס זענען באַגלייט געוואָרן מיט אַ „העפלעכער" צושריפט: „אויף אַלע פראַגעס וועט איר אַזוי גוט זיין צו ענטפערן מיט דער גרעסטער אָפנהאַרציקייט".

מייזעלס האָט זיך פאָרמעל אָפּגעזאָגט צו געבן אַן ענטפער אויף די פראַגעס. דערקעגן האָט ער געהאָלפן יאַסטראָוון, וועלכער איז געזעסן מיט אים אין איין צעלע, צונויפשטעלן זיין ענטפער.

אין מייזעלס' און יאַסטראָווס ענטפער, וואָס איז געשריבן אין זייער אַ פאָרזיכטיקן טאָן, ווערט אָנגעוויזן, אַז די געשיכטע פון די יידן אין דער לעצטער צייט לערנט אונדז, אַז די פאַרערגערונג פון דער יידישער לאַגע איז אָפּהענגיק פון צוויי מאָמענטן, וועלכע זענען ענג פאַרבונדן צווישן זיך: 1) דער איבערגעטריבענער נאַציאָנאַליזם, וואָס רעגט אָן צו פאַרפאָלגן די יידן און פאַרערגערן זייער רעכטלעכע לאַגע. 2) צום פאַרשטאַרקן די אַנטיסימיטישע שטימונגען ביי די מאַסן ווירקט אַ סך מיט דער אַדמיניסטראַטיווער אַפּאַראַט. פון אים איז אויך אָפּהענגיק, אין וועלכער מאָס די אַנטי־יידישע געזעצן וועלן איינגעפירט ווערן אין לעבן. דאָס אויסשליסן די יידן פון די רעכט, וועלכע גילטן פאַר אַלע איינוואוינער, שאַפט ביים פאָלק בנוגע זיי פאָראורטיילן, וועלכע פאַרשטאַרקן זיך כסדר און פאַרוואַנדלען זיך צום סוף אין דורכויסיקן האַס.

ווייטער ווייזן די מחברים אָן, אַז די לאַגע פון די יידן קאָן אויסגעבעסערט ווערן: א) דורך דער איניציאַטיוו פון דער רעגירונג גופא. למשל, אין פראַנקרייך האָט די רעגירונג אין נאָמען פון דערהויבענע אידעאַלן אָנגעהויבן אַ קאַמף קעגן די פאָראורטיילן פון די מאַסן און אים זיגרייך דערפירט ביז צום סוף. ב) אין געוויסע לענדער האָבן די יידן־פראַגע אויפגעהויבן די צום מערסטן באַוואוסטזיניקע טיילן פון פאָלק, וועלכע האָבן זיך איבערצייגט אינעם בירגערלעכן ווערט פון די יידן. זייער מיינונג האָט גורם געוועזן, אַז די רעגירונגען זאָלן שטופנווייז באַזייטיקן די יידן־באַגרענעצונגען. דער דאָזיקער פּראָצעס קומט איצט צום טייל פאָר אין לאַנד.

נאָכן אַריינפיר גייט דער ענטפער איבער צו דער לאַגע פון די יידן אין פוילן.

אויפן סמך פון אַ סך פאַקטן דערווייזן די מחברים, אַז די עקסיסטירנדיקע יידן־באַגרענעצונגען ווערן מיט אַ ספּעציעלן אייפער אויסגעפירט דורך אַלע אָרגאַנען פון דער אָקופּאַנטישער אַדמיניסטראַציע: אָנהייבנדיק פונעם מיניסטער, צו וועמען די יידן ווענדן זיך נאָך גערעכטיקייט, ביז צום זשאַנדאַר אין שטעטל. וואָס שייך דער לעצטער פראַגע, ווייזן אָן די מחברים אַז די פאַראייניקונג איז אַ באַשערטע זאַך פון גאָט, וועלכער קומט אין אַלע שווערע צייטן צו הילף דעם יידישן פאָלק. און דעריבער זענען זיי נישט אין שטאַנד אויפצוקלערן ווי אַזוי זי איז צו שטאַנד געקומען. אויך איצט, ווען דער אַנטיסעמיטיזם האָט אָנגענומען ערנסטע פאָרמען, האָט גאָט געעפנט די אויגן, קודם־כל ביי דער אַקאַדעמישער יוגנט, וועלכע האָט מיט אַ מאָל איינגעזען אַז זייערע יידישע קאָלעגן זענען גוטע בירגער. די יוגנט האָט געווירקט אויף די איבעריקע טיילן פונעם פוילישן פאָלק איבערצורייסן מיט דעם יידנהאַס.

אויף די ערשטע צוויי פראַגעס: פאַר וואָס די יידן האָבן נישט קיין צוטריט צו דער „רעגירונג", און וואָס די יידן דערוואַרטן פון דעם פאַרבינדן זיך מיט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון פוילישן פאָלק און אַקאַדעמישער יוגנט, האָבן מייזעלס און יאַסטראָוו געפּרוּווט געבן אַ קלאָרן ענטפער, דערביי איז כּדאַי אונטערצושטרייכן, אַז די מחברים האָבן פאַר נייטיק צו דערמאָנען די „אַקאַדעמישע יוגנט", וועלכע איז אין די אויגן פון דער אָקופּאַנטישער מאַכט באַטראַכט געווען ווי דער הויפּטהעצער צום אויפשטאַנד. דערקעגן אויף דער דריטער פראַגע האָבן זיי אויסגענוצט זייער רבנישן שטאַנד און אָפּגעשיקט די קאָמיסיע צו גאָט. אַחוץ דעם געטלעכן מאָטיוו, גיט דער ענטפער אויך אָנצוהערן אַז אין באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם און אין דעם איבערבראָך וואָס איז פאָרגעקומען אין דער באַציאונג פון דער פוילישער באַפעלקערונג צו די יידן, האָט פאַרדינסטן די אויסלענדישע דעמאָקראַטישע פּרעסע, וועלכע האָט גענומען אין שוץ די יידן בעת דער לעשניעווסקי־קאַמפּאַניע.

ווי עס איז צו זען, איז דער ענטפער געשריבן אין אַ פאָרזיכטיקן אָבער אין אַ גענוג געוואַגטן טאָן. ווען מיר נעמען אין אַכט, אַז דאָס האָבן געשריבן אַרעסטאַנטן, וועלכע געפינען זיך אין די נעגל פון אַ תּלינישער מאַכט, און וועלכע עס שטייט פאַר אַ קריגסגעריכט און אַז זיי האָבן זיך דערלויבט צו דערמאָנען דעם וועג פון פראַנקרייך אויף צו באַקומען רעכט פאַר יידן, אָדער דאָס דערגרייכן די רעכט דורך אַ דרוק פון די פאָלקסמאַסן אויף דער רעגירונג, — מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז מען קאָן באַצייכענען דעם ענטפער ווי ממש אַ רעוואָלוציאָנערן.

זעענדיק, אַז קיין שום מיטלען קאָן נישט ווירקן אויף מייזעלסן, ער זאָל „רעדן", האָבן די צאַרישע מאַכטהאָבער זיך אַנטשלאָסן אויף אַ שענדלעכן פּרואוו. אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך געעפנט די שווערע טיר פון דער צעלע, און עס האָט זיך באַוויזן אין איר דער קריגס־גובערנאַטאָר קריזאַנאָווסקי.

— ווי גייט עס, ליבע פריינד? — רופט אויס דער האָניק־זיסער און שלאַנג־גיפטיקער קריגס־גובערנאַטאָר (יאַסטראָווס באַצייכענונג).

— פריינד? — ענטפערט מייזעלס, — יאָ, אַ מאָל האָט זיך געדאַכט אַז מיר זענען פריינד, אָבער איצט זיינט איר קריגס־גובערנאַטאָר, און איך אַן אַרעסטירטער. צי קאָנען מיר נאָך זיין פריינד?

— אויך איצט, אויב איר וועט אונדז עפּעס זאָגן און וועלן געבן וועלכע עס איז אינפאָרמאַציעס, — האָט דער גובערנאַטאָר געזאָגט און זיך כיטרע אַרומגעקוקט.

דער גרייז־גראָער מייזעלס איז מיט אַ יוגנטלעכן ברען אויפגעשפּרונגען, זיין מאָגערע פיגור האָט זיך ווי דערהויבן אין דער לופט, און ער האָט געזאָגט: „איך האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן. אָנשטאָט צו געבן אייך געוויסע אינפאָרמאַציעס און אויף מיינע אַלטע יאָרן ווערן אַ מסור, וואָלט איך בעסער געוואָלט פאַרפוילט ווערן אין די מויערן". דער צאַרישער מיניסטער איז רויט געוואָרן פאַר בושה און כעס און מיט רוגזה אַרויס פון דער צעלע.

די צאַרישע תּלינים, וועלכע מייזעלס האָט מיט זיין האַלטונג אַרויסגעפירט פון די כּלים, האָבן איצט באַשלאָסן צו שיקן אויף דער תּליה דעם גרייז־גראָען רב, אין וועלכן זיי האָבן געזען די פּערזאָניפיצירונג פון אַ פּוילישן פּאַטריאָט און שטאָלצן ייד. גאַנצע שטאַבן עדות זענען אַרויסגערופן געוואָרן כּדי צו דערווייזן מייזעלס' שולד. דער דערמאָנטער קריזאַנאָווסקי האָט אָפּגעגעבן אַ גרעסערע דערקלערונג, אין וועלכער ער שרייבט צו"אַ:

> „...דאָס שליסן די שולן איז געווען אַ פאָרויס געפּלאַנט נאָכנאַכן דאָס שליסן די קאַטוילישע קירכן, עס איז אַ רעגירונגס־פיינטלעכע מאַניפעסטאַציע וואָס איר ציל איז צו ווייזן די פּאָליאַקן, אַז די יידישע באַפעלקערונג איז איינשטימיק מיט זיי... לויט מיין מיינונג איז מייזעלס שולדיק אין אָפענער צוזאַמענאַרבעט מיט די הויפּט־אָנפירער פון די אומרוען אין יאָר 1861.
>
> אויב די פּאָליאַקן האָבן ביז איצט פיינט געהאַט די יידן און זיי גערודפט, איז נישט פאַרשטענדלעך ווי אַזוי די אונטערדריקטע האָבן אין אַזאַ מאָס געקאָנט גלייבן די הבטחות פון זייערע אייביקע פאַרפאָלגער, בפרט אין מאָמענט ווען די לעצטע האָבן זיי געדאַרפט. עס איז שווער צוגלייבן אַז דער קלוגער פאָרויסזעעוודיקער מייזעלס זאָל זיך אַזוי בלינד לאָזן אָפּנאַרן, און גלייבן אין די פאַרזיכערונגען פון דער פּוילישער דעמאַגאָגישער יוגנט. עס איז וואַרשיינלעכער, אַז מייזעלס און זיינע מיטהעלפער האָבן געוואָלט „אַרויסשאַרן דאָס אַש מיט פרעמדע הענט" און באַשלאָסן צו פאַראייניקן זיך איינשטימיק מיט די צעבונטעוועטע פּאָליאַקן אין דער האָפענונג צו דערגרייכן עפּעס דורך בשותּפותדיקע מאַניפעסטאַציעס און מכלומרשטער פריינדשאַפט מיט דער פּוילישער מאַסע. אַזאַ אויסרעכענונג איז פאַרברעכעריש, ווייל עס אַנטהאַלט אין זיך אַ בונט. די פאַרברעכערישע התחלה האָט אויך געגעבן אין אַלע הינזיכטן פאַרברעכערישע רעזולטאַטן. וואָס פאַר אַ סקאַנדאַליעזע דערשיינונג איז די פריינדשאַפט צווישן דעם ערצביסקופּ און דעם רב! עס האָט זיי נישט פאַראייניקט נישט

קעגנזייטיקע צוגעבונדנקייט, נישט דרך־ארץ מצד איין רעליגיע פאַר דער צווייטער, נאָר אַ בשותפותדיקע רעוואָלוציאָנערע כוונה. מייזעלס האָט, נאַטירלעך, אויסגעצייכנט געוואוסט, אַז די קירכן זענען געשלאָסן צוליב דעם נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד".

ווי עס איז צו זען פון דער ציטירטער דערקלערונג, באַמיט זיך קריזאַנאָווסקי אַרויפצולייגן די הויפטשולד אויף מייזעלסן. גלייכצייטיק פאַרגעסט אָבער דער מנוול די מאָראַלישע מפלה וואָס מייזעלס האָט אים פאַרשאַפט, און באַמיט זיך אַרונטערצורייסן אין די אויגן פון די ריכטער מייזעלס' ערלעכן נאָמען פון אַ אידעאישן מענטש.

די צאַרישע תלינים וואָלטן אפשר געווען אַדורכגעפירט זייער באַשלוס און מייזעלסן געשיקט אויף דער תליה, ווען נישט דער געוואַלדיקער אָפקלאַנג, וואָס דער פראָצעס האָט אַרויסגערופן אויסער די גרענעצן פון לאַנד. אויסנוצנדיק די געלעגנהייט וואָס מייזעלס איז געווען אַן עסטרייכישער בירגער, האָבן געוויסע יידישע ספערעס אין ווין אינטערווענירט ביים עסטרייכישן אויסערן־מיניסטער לטובת מייזעלסן. דער מיניסטער האָט באַאויפטראָגט דעם עסטרייכישן גענעראַל־קאָנסול אין ווארשע, ער זאָל אונטערנעמען אַן אינטערווענץ ביי דער צאַרישער מאַכט אַרויסצולאָזן מייזעלסן פון אירע נעגל.

אין רעזולטאַט פון די באַמיאונגען האָט דאָס קריגסגעריכט אַרויסגעגעבן אַ פסק־דין אַז מייזעלס ווי אַ פרעמדער בירגער ווערט אַרויסגעשיקט פון דער רוסישער אימפעריע.

אַרום 10טן פעברואַר 1862 האָט דאָס ווארשעווער קריגסגעריכט אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל, לויט וועלכן מייזעלס ווי אַן עסטרייכישער בירגער דאַרף תיכף פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דער עסטרייכישער קאָנסול האָט געפרואווט אינטערווענירן לטובת מייזעלסן, עס זאָל אים געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו פאַרבלייבן נאָך עטלעכע וואָכן אין ווארשע אויף צו דערלעדיקן זיינע ענינים. אין דעם זעלבן ענין האָט אויך אינטערווענירט אַ דעלעגאַציע פון ווארשעווער יידן ביים נאַמיעסטניק. אין דער יידישער אינטערווענץ האָט די צאַרישע מאַכט געזען אַ פראָוו פון מאַכן אַ דרוק אויף איר מצד דער יידישער באַפעלקערונג. די יידישע אינטערווענץ האָט צוליב דעם אָפגעשוואַכט די אונטערגענומענע באַמיאונגען מצד דעם עסטרייכישן קאָנסול, און אין רעזולטאַט האָט די צאַרישע מאַכט אָפגעזאָגט דאָס אַרויסלאָזן מייזעלסן אויף עטלעכע וואָכן פון ציטאַדעל. דערקעגן האָט זי אים געוואָלט דערלויבן צו פאַרבלייבן אַ קורצע צייט אין ווארשע, בתנאי ער זאָל פאַר דער דאָזיקער צייט וואוינען אין ציטאַדעל און האָבן רעכט פריי אויפצונעמען דאָרטן זיין פאַמיליע און באַקאַנטע, און אויך דערלעדיקן זיינע ענינים. מייזעלס האָט דעמאָנסטראַטיוו רעזיגנירט פון דער דאָזיקער „פרייהייט" אין ציטאַדעל, און דעם 13טן פעברואַר פאַרלאָזט ווארשע.

ביים פאַרלאָזן ווארשע האָבן פוילישע טוער דערלאַנגט מייזעלסן ווי אַ נאַציאָנאַלע מתנה 20,000 רובל, איינגעפאַסענע פון די בילדער, וואָס זיי האָבן פאַרקויפט, וועלכע שטעלן פאַר מייזעלסן בעת זיין זיצן אין ציטאַדעל.

די ידיעה וועגן מייזעלס' אַרויסשיקן פון קאָנגרעס־פוילן און וועגן זיין געפינען זיך אויפן וועג קיין גאַליציע האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפרייט איבער גאַנץ גאַליציע. די פאַטריאָטישע קרייזן אין קראָקע האָבן זיך געגרייט אים פייערלעך אויפצונעמען, און די סטודענטן האָבן געפלאַנט צו באַגעגענען אים מיט אַ פאַקלצוג. עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פאַרקויף פון מייזעלס בילד, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַ גרויסע סומע געלט.

אין לוואָוו איז דער „דזשענניק פאָלסקי" אַרויס מיט אַן אַרטיקל אין וועלכן עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז אַ דאַנק מייזעלס גרויסע פאַרדינסטן פאַר פוילן דאַרף אים לוואָוו פאַרבעטן פאַר אַ רב, ער וואָלט דאָ געפונען אַ פאַסיק פעלד צו אַרבעטן.

נאָך אַ ריי אינטערווענצן און באַמיאונגען האָט די עסטרייכישע רעגירונג דערלויבט מייזעלסן צו באַזעצן זיך אין קראָקע. די פאָליציי האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג גענוי צו קאָנטראָלירן זיינע באַוועגונגען און באַציאונגען.

במשך פון דער צייט, וואָס מייזעלס איז געזעסן אין קראָקע, זענען פון פאַרשיידענע זייטן געמאַכט געוואָרן באַמיאונגען צו דערמעגלעכן אים צוריקצוקומען קיין ווארשע. די ווארשעווער קהילה האָט זיך אָפגעזאָגט אויפצונעמען אַ צווייטן רב אויף מייזעלס אָרט, הגם עס האָט זיך געפונען אַ גרופע דאָזאָרעס, פאָלקס־פאַרעטער, וועלכע האָבן צוגעשיקט צו דער צאַרישער מאַכט אַ דאַנק־בריוו פאַר איר העלפן פטור צו ווערן פון מייזעלסן. די ברייטסטע ווארשעווער יידישע פאָלקסמאַסן האָבן אָבער נישט געוואָלט פאַרגעסן, אַז זייער באַליבטער אַלטער רב געפינט זיך אין גלות. אויך כמעט די גאַנצע פוילישע געזעלשאַפט האָט געפאָדערט זיין צוריקקער קיין ווארשע. אָנהייב סעפטעמבער 1862 האָט דער נאַמיעסטניק, גרויספירשט קאָנסטאַנטין, דערלויבט מייזעלסן צוריקצוקומען און ווידער פאַרנעמען זיין אַמט.

מייזעלס טויט. די באַדייטונג און ראָלע פון דעם גרויסן פאַטריאָטישן קעמפער

סוף זומער 1862, ווען קאָנסטאַנטינס און וויעלאָפאָלסקיס תלינים האָבן שוין געהאַט אומגעבראַכט די רעוואָלוציאָנערן רילל און זשאָנצאַ, און דער טעראָר קעגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג האָט זיך פילפאַך פאַרשטאַרקט, האָט וויעלאָפאָלסקי ווידער געמאַכט פרואוון צו געווינען אַ טייל פון דער פוילישער באַפעלקערונג און אים אויסנוצן קעגן די אינטערעסן פון גאַנצן פאָלק. מיט דער דאָזיקער כוונה האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי פאַראָרדענונגען, וועלכע האָבן פאַרגעזען דאָס אָפשאַפן אין קאָנגרעס־פוילן די יידן־באַגרענעצונגען און דעם ספעציעלן שטייער. ער האָט זיך גערעכנט אַז דורך אַזאַ צוגעוואָרפענער „פרייהייט" פאַר יידן וועט אים געלונגען לייכטער צו האַלטן אין צאַרישער פאַרקנעכטונג דאָס גאַנצע פאָלק אין קאָנגרעס־פוילן.

אַזאַ איז געווען די לאַגע אין לאַנד ווען מייזעלס האָט זיך צוריקגעקערט קיין ווארשע. דער גרויספירשט קאָנסטאַנטין האָט, אויף וויעלאָפאָלסקיס אָנווייזונגען, געפירט געשפרעכן מיט די יידישע גבירים ראָזען און קראָנענבערג. נאָך זיין קומען קיין ווארשע איז אויך מייזעלס פאַרבעטן געוואָרן דורך דעם נאַמיעסטניק, וועלכער האָט מיט אים געהאַלטן אַ לאַנגן שמועס. בעתן שמועס האָט מייזעלס אויפגעקלערט דעם נאַמיעסטניק: „אַז יידן זענען געטריי דעם לאַנד וואו זיי לעבן", און אַז די יידישע תורה לערנט זיי צו זיין אויף דער זייט פון די שוואַכע.

דער נאַמיעסטניק האָט געהאַלטן דעם שמועס פאַר אַזוי וויכטיק, אַז ער האָט תיכף געשיקט קיין פעטערבורג אַ באַריכט אין וועלכן ער באַצייכנט מייזעלסן ווי אַ קלוגן ייד, הגם נישט שטאַרק באַהאַוונט אין די ענינים פון פאָליטיק. ער שטרייכט אויך אונטער אין זיין באַריכט אַז ער האָט אַרויסגעדרונגען פונעם געשפרעך אַז מיט מייזעלסן „לאָזט זיך רעדן". זאָלן מיר דערביי באַמערקן, אַז פון מייזעלס' ווערטער איז צום ווייניקסטן געווען אַרויסצודרינגען אַז מיט די יידן וועט זיך לאָזן רעדן. אינגיכן האָט מען זיך טאַקע געקאָנט איבערצייגן אַז מייזעלס האָט זיך נישט געענדערט, אַז ער איז געווען און געבליבן אויף דער זייט פון די רעוואָלוציאָנערע פאַטריאָטן.

אויך וויעלאָפאָלסקי האָט אַרויסגערופן מייזעלסן און אים דערקלערט: „פון איצט אָן (ד"ה נאָכן פאַרעפנטלעכן די דעקרעטן וואָס שאַפן אָפ די אויסנאַם־געזעצן פאַר יידן — א. ק.) האָבן שוין די יידן נישט קיין סיבה זיך צו מישן אין געוויסע ענינים".

אַ טייל גביריש־יידישע קרייזן זענען טאַקע געווען גרייט זיך אויפצוהערן מישן אין געוויסע ענינים... און געהאָרכזאַם דינען דעם מלכות, אָבער די יידישע פאָלקסמענטשן, יידישע בעלי־מלאָכות און די פראָגרעסיווע יוגנט, וועלכע האָבן באַוויזן במשך פון די יאָרן 1861—1862 נאָך ערגער זיך צו באַהעפטן מיט די פוילישע קעמפער פאַר דער באַפרייאונג פון לאַנד, האָבן נישט געקלערט וועגן קיין שלום מיטן אָקופאַנט. יידישע יונגעלייט זענען געפאָרן קיין גענואַ (איטאַליע) און אַריינגעטרעטן אין דער דאָרט געגרינדעטער שול וואָס האָט אויסגעבילדעט אָפיצערן־קאַדרען פאַרן אויפשטאַנד. די יידישע האַנטווערקער און אַקאַדעמישע יוגנט זענען אויך געווען אַקטיוו אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך אונטער דער אָנפירונג פון „רויטן צענטראַל־קאָמיטעט", וועלכער האָט זיך דעם 1טן סעפטעמבער 1862 דערקלערט פאַר דער נאַציאָנאַלער רעגירונג.

וויעלאָפּאָלסקי האָט געזען אַז זיינע אויסרעכענונגען אויף צו געפינען אַן אָנשפּאַר אין באַדייטנדיקע טיילן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג זענען נישט רעאַל, און אַז דער באַוואָפנטער אויפשטאַנד ווערט אויף אַן אמת געגרייט, האָט ער זיך אַנטשלאָסן אויף אַ שענדלעכער שריט. דעם 6טן אָקטאָבער 1862 באַווייזט זיך אַ פאַראָרדענונג אַז דאָס נעמען רעקרוטן צום מיליטער וועט נישט מער פאָרקומען דורך גורל־סיסטעם, ווי ביז איצט, נאָר די יוגנט וועט ווערן גערופן צום מיליטער דורך אינדיווידועלע אויפפאָדערונגען. אַרום 70 טויזנט פּוילישע יוגנטלעכע האָט געדראָט צו ווערן איינגעקלעמט אין צאַרישע מונדירן. נאָך מער, לויט דער פאַראָרדענונג זענען באַפרייט געוואָרן פון דער מיליטער־פליכט: ערד־באַזיצער, פּויערים און לערניינגלעך ביי דאָרפישע בעלי־מלאכות. דאָס האָט קלאָר באַוויזן אַז וויעלאָפּאָלסקי צילט מיט זיין פאַראָרדענונג פּשוט צו פאַרשיקן קיין סיביר דעם רעוואָלוציאָנערן אַקטיוו פון פּוילישן פאָלק און אין דער ערשטער ריי די פּוילישע און יידישע אַרבעטער, האַנטווערקער און אַקאַדעמישע יוגנט.

אין דער נאַכט פון 15טן אויפן 16טן יאַנואַר 1863 האָבן זיך פּאָליציי און סאָלדאַטן אַריינגעריסן אין די וואוינונגען פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג און אַרויסגענומען פון זייערע שטיבער 1657 מענער. אינעם קראָקעווער „טשאַס" פון 18טן יאַנואַר שרייבט דער וואַרשעווער קאָרעספּאָנדענט צווישן אַנדערן אָט וואָס:

> „די כאַפּונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין האַלבער נאַכט, איז געוואָרן אויסגעפירט מיט דער גרעסטער אכזריות... עס זענען צוגענומען געוואָרן מענער וואָס האָבן איבערגעלאָזן אַזש 5 קינדער. עס זענען גענומען געוואָרן אַזעלכע וואָס לויט זייער עלטער אונטערליגן זיי שוין נישט קיין מיליטער־דינסט... אַ סך וואַרשטאַטן האָבן זיך געמוזט פאַרמאַכן. עס זענען אויך גענומען געוואָרן זייער אַ סך יידן. צום מערסטן האָבן געליטן די האַנטווערקער. מיט צעריסענע הערצער, מיט בלוט אין די אויגן, מיט הענט וואָס ציטערן פון נקמה־דורשט, קוקן מיר אין איינגעהאַלטענעם שטילשווייגן אויף דעם אויסגעפירטן רויב פון אונדזערע קינדער".

דער דאָזיקער שענדלעכער אַקט פון דער „בראַנקע" האָט פאַרשנעלערט דעם אויסבראָך פונעם אויפשטאַנד. אין דער נאַכט פון 22טן אויף דעם 23טן יאַנואַר 1863 האָט זיך אָנגעהויבן דער העראָאישער יאַנואַר־אויפשטאַנד.

ווי עס גיט איבער די אויסלענדישע פּרעסע פון יענער צייט, האָט דער נאַמיעסטניק אַרויסגערופן דעם אַלטן מייזעלס, וועלכער האָט זיך געפונען אונטער דער שטרענגסטער פּאָליצייישער אויפזיכט, און פון אים געפאָדערט, ער זאָל אויסרופן אַ חרם אויף יענע יידן וואָס וועלן צושטיין צום אויפשטאַנד. דער פּאַקטיש געפאַנגענער מייזעלס האָט אָבער געהאַט דעם מוט קעגנצושטעלן זיך דעם ווילן פון זיין פאַנגער. דערקעגן האָט מייזעלס אין געהיים באַפוילן אַז אין די בתי־מדרשים און שולן פון גאַנצן לאַנד זאָל געלייענט און קאָמענטירט ווערן דער מאַניפעסט פון דער נאַציאָנאַלער רעגירונג.

מיר האָבן נישט קיין קאָנקרעטן מאַטעריאַל וועגן מייזעלס' קאָנטאַקטן מיט דער נאַציאָנאַלער אויפשטאַנד־רעגירונג, וועגן וואָס עס דערמאָנט ד"ר נ. מ. געלבער, אָבער ווי אַ באַווייז פון זיין פאַרברידערונג מיט די אויפשטענדלער קאָן דינען דער פאַקט וואָס נאָכן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד ווערט דער גרייז־גראָער מייזעלס צום צווייטן מאָל אַרויסגעשיקט פון וואַרשע.

נאָך אַ קורצן אויפהאַלטן זיך אין גלות קומט ער צוריק קיין וואַרשע. דאָ, אונטער דער שרעקלעכער צאַרישער רעאַקציע, קומט אים אויס צו פאַרברענגען זיינע לעצטע יאָרן. ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן בלייבט ער אונטער דער שטרענגסטער השגחה פון דער פּאָליציי, אפילו וועגן די באַזוכן ביי זיינע קינדער האָט מען אויספירלעך ראַפּאָרטירט דעם מיליטערישן גובערנאַטאָר.

דעם 15טן פעברואַר 1870 איז דוב בער מייזעלס געשטאָרבן. די צאַרישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן צו שרייבן גרעסערע נעקראָלאָגן וועגן זיין טויט. נישט געקוקט אויף דעם האָט זיך די ידיעה וועגן טויט פונעם באַליבטן פאָלקספירער פאַרשפּרייט איבער וואַרשע. זיין לוויה, וואָס איז געווען אַ שטומע, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינער פון די גרעסטע נאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציעס וועלכע וואַרשע האָט ווען נישט איז געזען. אין פּאַריז, ווי אין אַנדערע צענטערס, ווי עס האָבן זיך געפונען פאַרטריבענע פּוילישע פּאַטריאָטן, זענען אָפּגעריכט געוואָרן הספדים און הזכרות.

דער אַדורכגעפירטער אַנאַליז פון מייזעלס' עטלעכע־און־דרייסיק־יעריקער טעטיקייט גיט אונדז די פולע רעכט פעסטצושטעלן, אַז מייזעלס' פּאָליטישער אני מאמין האָט זיך פאָרגעשטעלט אַזוי:

1. די היסטאָרישע פאַרבינדונג פון די פּוילישע יידן מיטן פּוילישן לאַנד באַרעכטיקט און פאַרפליכטעט זיי צו זיין פּאַטריאָטן פון פאָטערלאַנד.

2. די רעכטלעכע לאַגע פון די יידן אין פּוילן וועט ווערן געלייזט נאָר דורך דעם באַפרייען פּוילן פון אונטער דער אָקופּאַנטישער מאַכט. לייזן די יידן־פראַגע הייסט ביי מייזעלסן: פּאָליטישע און בירגערלעכע רעכט פאַר אַלע יידן אין פּוילן, נישט אָפּהענגיק פון קיין בילדונגס־ אָדער פאַרמעגנס־צענז. די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון די יידן האָט מייזעלס פאַרבונדן מיט דעם פריימאַכן און באַשענקען מיט ערד־אייגנטום די פּויערים.

3. די זיכערקייט אַז דאָס באַפרייטע פּוילן וועט אויך באַפרייען די יידן באַשטייט אין דעם וואָס די יידן וועלן נישט זיין קיין פּאַסיווע צושויער צו דעם געראַנגל פאַר דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, וועלכן דאָס פּוילישע פאָלק פירט, נאָר וועלן זיך אַקטיוו באַטייליקן אין דעם קאַמף און האָבן די אַמביציע צו ווערן אַ פאַקטאָר וועלכער זאָל וועקן די שלאָפנדיקע טיילן פון פּוילישן פאָלק צום נאַציאָנאַל־באַפרייערישן קאַמף.

אָט דאָס איז געווען מייזעלס' פּאַטריאָטישער אני־מאמין, פאַר וועלכן ער האָט געוואונען די ברייטסטע פאָלקסמאַסן אין פּוילן.

וואָס נוגע מייזעלס' צוגאַנג צו די אַלגעמיינע פּאָליטיש־סאָציאַלע לאַנדפּראָבלעמען, דאַרף נאָך אַ מאָל אונטערגעשטראָכן ווערן אַז פאַר מייזעלסן איז דאָס צענטראַלסטע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּראָבלעם פונעם לאַנד געווען דאָס אַדורכפירן די פולע באַפרייאונג פון די פּויערים דורך אָנערקענען זיי פאַר די פאַקטישע בעלי־בתים פון דער ערד. דורך דעם וועט ווערן, ערשטנס, אַרויסגעהויבן דאָס לאַנד פונעם עקאָנאָמישן קריזיס און וועט פאַרבעסערן זיין מאַטעריעלן וואוילזיין; צווייטנס, וועט זיך דער פּויער דעמאָלט איבערצייגן אַז ער וועט דורך די איבעריקע שיכטן פון פאָלק אָנערקענט ווערן ווי אַ פולבאַרעכטיקטער ברודער און וועט זיך סאָלידאַר אָנשליסן אינעם נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־קאַמף, און זיין אָנטייל וועט פאַרזיכערן דעם נצחון פונעם נאַציאָנאַל־באַפרייערישן אויפשטאַנד. אָט דער ניכטערער קוק אויף די עקאָנאָמיש־פּאָליטישע נויטן פון לאַנד אין דער פאַרבינדונג מיט זיין פּאַטריאָטישן אני־מאמין, מיט זיין טיפער ליבשאַפט צו די יידישע פאָלקסמאַסן — האָט מייזעלסן דיקטירט אונטערצושטיצן די קראָקעווער סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קאַמפּס־באַוועגונג אין יאָר 1846. דאָס האָט אים אויך אַוועקגעשטעלט אין דער נאָענטקייט פונעם דעמאָקראַטישן לאַגער אין גאַליציע בעת דעם פעלקער־פרילינג פון יאָר 1848. צוליב די איבערצייגונגען האָט ער זיך אויך אָנגעשלאָסן אין די רייען פון די פּאַטריאָטן אין דעם צוגרייטונגס־פּעריאָד פונעם יאַנואַר־אויפשטאַנד און בעת דעם אויפשטאַנד גופא.

דערביי דאַרף אָבער ווערן אונטערגעשטראָכן אַז די פּאָליטישע באַגרענעצטקייט פון דער סביבה, אין וועלכער ער איז טעטיק געווען האָט אים געשטערט, ער זאָל זיך דערהייבן צו דער מדרגה פון אַ קאָנסעקווענטן דעמאָקראַטישן קעמפער. פון דאַנען באַקומט זיך ביי אים אַ טיילווייזער פּאָליטישער דואַליזם. אָבער דאָס מינערט נישט זיין גרויסקייט ווי אַ פּיאָנער פון אויפריכטיק־פאָלקסטימלעכן פּאַטריאָטיזם ביי יידן אין פּוילן. מייזעלס האָט געטריי געדינט דעם נאַציאָנאַל־באַפרייערישן קאַמף פון פּוילישן פאָלק און דערמיט דער באַפרייאונג פון די יידן אין פּוילן. אין דינסט פון אָט די הייליקסטע אידעאַלן האָט ער אויסגענוצט זיין אויטאָריטעט ווי דער הויפּט־רב און אַריינגעדרונגען אין אַלע שיכטן פון דער יידישער געזעלשאַפט. מיר באַגעגענען אים ווי אַ דערמונטערער פון דער קאָנספּיראַטיווער יידישער יוגנט וועלכע האָט זיך געפונען אין די רייען פון די „רויטע". גלייכצייטיק באַמיט ער זיך צו געווינען פאַר דער פּוילישער זאַך דעם חסידים־פירער יצחק מאיר אַלטער. מייזעלס קומט צו מיט זיין פּאַטריאָטיש־דעמאָקראַטישן וואָרט צום פּשוטן ייד פון פאַרוואָרפנסטן פּראָווינצשטעטל און דאָרף.

ד"ר מאַרקוס יאַסטראָוו ענדיקט זיין ציקל אַרטיקלען וועגן מייזעלסן, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע טעג נאָך מייזעלס׳ טויט מיט אָט די ווערטער:

„... ווען די פרייהייט וועט אַ מאָל נאָכן פאַרענדיקן דעם קאַמף, אויך אין די פּראָווינצן פון סאַרמאַציען (פּוילן) פאַרצייכענען אירע מאַרטירער און העלדן, דעמאָלט וועט בער מייזעלס ניט פאַרגעסן ווערן. צווישן די בעסטע אָנגערופענע נעמען וועט אויך מייזעלס נאָמען ווערן גערופן".

דוב בער מייזעלס און זיין טעטיקייט געהערן צו דער שענסטער טראַדיציע פון פּוילישן יידנטום, צום גאָלדענעם פאָנד פון די דעמאָקראַטישע טראַדיציעס פון פּוילישן פאָלק. זיין מיפּולער קאַמף פאַר באַפרייען פּוילן פאַר דער גלייך־באַרעכטיקונג פון די יידן, פאַר צערייסן די פעאָדאַלע קייטן וועלכע האָבן געפּענטעט דעם טרוים וועגן וואוילשטאַנד און גליק פאַרן פאָלק ווערט מקויים אין אונדזערע היינטיקע גרויסע היסטאָרישע טעג.

KORONKI WSTĄŻEK
ZUBKOWSKA
PARASOLI

אַ דורכגאַנג־הויף דזשיקע 12 נאַלעווקעס 15 אין וואַרשע

יוסף סאַנדעל (וואַרשע)

אַלעקסאַנדער לעסער

איינער פון די פּיאָנערן פון דער פּוילישער מאָלעריי־קונסט און פון אויספאָרשן די פּוילישע היסטאָרישע דאָקומענטן אין דער קונסט איז געווען דער ייִד אַלעקסאַנדער לעסער. אַלעקסאַנדער לעסער איז — ווי עס האָבן אים אָפּגעשאַצט די אָנגעזעענסטע פּוילישע קונסט־קריטיקער און קונסט־היסטאָריקער פון זײַן צײַט — געווען דער פאָרגייער פון יאַן מאַטעיקאָ, דעם קלאַסיקער פון דער פּוילישער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער מאָלעריי.

אַלעקסאַנדער לעסער שטאַמט פון אַן אַלט־אײַנגעפונדעוועטער ייִדישער משפחה אין פּוילן. אין די אַרכיוון פון דער שטאָט וואַרשע פון אַכצנטן יאָרהונדערט טרעפן מיר די נעמען פון זײַן זיידן אַברהם לעסער און פון זײַן באָבען זשאַנעט — דער דאָזיקער נאָמען דערווײַזט אַז דאָס איז געווען אַ משפחה וואָס האָט געהערט צו די אויפגעקלערטע און געבילדעטע. די משפחה האָט געהאַט האַנדלס־באַציִונגען מיט אויסלאַנד און געהערט צום אויפקומענדיקן נײַעם בירגערלעכן שיכט. אַלעקסאַנדער לעסערס פאָטער, לוי לעסער, האָט געהאַט אַן אימפּאָרט־פירמע אויף רימאַרסקע־גאַס (די מוטער האָט געהייסן רוזשע און געשטאַמט פון די לעווענשטיינס). אַלעקסאַנדערס שוועסטער העלענע (1812־1894) האָט חתונה געהאַט מיט דעם באַקאַנטן וואַרשעווער פאַרלעגער און בוכהענדלער, דעם ייִד זיגמונט מערצבאַך (1801־1852). זייער זון איז געווען דער רעוואָלוציאָנער און פּאַטריאָט, דער דיכטער הענריק מערצבאַך (1836־1903), אַן אַקטיווער אָנטיילנעמער אין דעם אויפשטאַנד פון 1863־1864 (הענריק מערצבאַך איז געווען אַ פרײַנד פון דעם עלטערן פון אים גרויסן פּוילישן היסטאָריקער און קעמפער יאָאַכים לעלעוועל). אין אַזאַ אַטמאָספער פון אויפגעקלערטקייט, הומאַניזם און רעוואָלוציאָנערן פּאַטריאָטיזם איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אַלעקסאַנדער לעסער.

עס איז קלאָר אַז ער איז אין קיין חדר נישט געגאַנגען. ער האָט באַקומען מיט דער פולער האַנט אייראָפּעיִשע בילדונג. ער האָט געענדיקט אין וואַרשע אַ ליצעאום־שול. שוין אַלס ייִנגל ציט ער אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די דערציִער און פון אַרום מיט זײַנע צייכענונגען. צום גליק איז לערער פון צייכענען אין זײַן קלאַס דער בשעתו באַרימטער פּוילישער פּאָרטרעטיסט אַלעקסאַנדער קאָקולאַר. דער לערער דערקענט זיך אויף אַלעקסאַנדערס טאַלאַנט און הייבט אָן צו פלעגן אין אים די דאָזיקע נייגונג. צו 16 יאָר ווערט לעסער אויפגענומען אין דער קונסטשול בײַם וואַרשעווער אוניווערסיטעט. דאָס איז אַ יונגע שול; זי איז ערשט אַנטשטאַנען אין יאָר 1818, אָבער זי האָט פאַרמאָגט גלענצנדיקע און איבערגעגעבענע קינסטלער־פּעדאַגאָגן, ווי אַנטאָני בראָדאָווסקי און אַנטאָני בלאַנק — ביידע פאָרשטייער פון רעאַליסטישן סטיל אין דער מאָלעריי. אַנטאָני בלאַנק איז, אַגב, דער אויטאָר פון דעם באַקאַנטן פּאָרטרעט פונעם גרויסן ייִדישן מאַטעמאַטיקער און דערפינדער אַברהם שטערן (דער פּאָרטרעט איז געוואָרן אויפגעמאָלט אין יאָר 1825). די קונסטשול אין איינעם מיטן אוניווערסיטעט ווערן אָבער פאַרמאַכט דורך דער צאַרישער מאַכט ווי אַ רעפּרעסיע פאַר דעם נאָוועמבער־אויפשטאַנד (1831). לעסער איז ממשיך זײַן מאָלערישע אויסבילדונג פּריוואַט. ער נעמט לעקציעס בײַם קינסטלער יוזעף פּאַשקעוויטש, וועלכער איז אַליין געווען אַ תלמיד בײַ סטאַניסלאַוו־אויגוסט פּאָניאַטאָווסקיס הויפמאָלער באַציאַרעלי. דער דאָזיקער קאָנטאַקט מיט פּאַשקעוויטשן און אומדירעקט, גײַסטיק, דורך אים מיט באַציאַרעלים טראַדיציע האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקע באַדײַטונג פאַרן אַרויסרופן בײַם יונגן לעסער די געפילן און די נייגונג צו היסטאָרישער טעמאַטיק. פּאַשקעוויטש האָט אַרומגעפירט זײַן ייִדישן שילער איבער די זאַלן פונעם קעניגלעכן שלאָס, אים באַקענט מיט די גרויסע בילדער, קאָמפּאָזיציעס און פּאָרטרעט־געמעלן פון דער פּוילישער געשיכטע. בײַ פּאַשקעוויטשן האָט לעסער אויך זייער אַ סך גענאָסן אויפן געביט פון מאָלערישער טעכניק.

נאָך די געשעענישן פון 1831, ווערנדיק ווי אַ סך אַנדערע באַרויבט אין אָקופּירטן לאַנד פון אַ שול, מוז לעסער, וועלכער וויל פאָרזעצן זײַנע שטודיעס, פאָרן זיך לערנען קיין אויסלאַנד. ער קלײַבט אויס די קונסט־אַקאַדעמיע אין דרעזדען (זאַקסן). בכלל האָט די דרעזדענער קונסט־אַקאַדעמיע אין יענער צײַט נישט געהערט צו די בעסטע. אָבער אויף דעם דעצידירן זיך אויף דרעזדען האָט בײַ לעסערן געווירקט זײַן דראַנג צו דער וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער באַאַרבעטונג פון היסטאָרישע דענקמעלער אין דער פּלאַסטישער קונסט, און ער האָט פאַרשטאַנען אַז אין דרעזדען וועט ער געפינען אַ סך היסטאָרישע קונסט־מאַטעריאַלן פון פּוילישער געשיכטע, ווײַל די זאַקסישע מאָנאַרכן, וועלכע זענען אַ צײַט געווען אויך קעניגן פון פּוילן, האָבן קיין דרעזדען אַריבערגעבראַכט אַ סך פון די קינסטלערישע און היסטאָרישע מערקווערדיקייטן פון פּוילנס פאַרגאַנגענהייט. אין יאָר 1832 פאָרט דער יונגער לעסער אָפּ קיין דרעזדען. אונטערוועגס שטײַגט ער אָפּ אין לעגניצע (שלעזיע), וווּ ער פירט דורך אַ רײַ פאָרשונגען. ער מאַכט שטודיע־צייכענונגען פון די פירשטלעכע דענקמעלער פון דער פּיאַסטן־דינאַסטיע (די שלעזישע פּיאַסטן ליגן באַגראָבן ווי באַקאַנט, אין לעגניצער קלויסטער). שוין דעמאָלט איז, ווײַזט אויס, אויפגעקומען בײַ לעסערן דער געוואָגטער פּלאַן צו שאַפן פּאָרטרעטן פון די פּוילישע קעניגן.

דער 18יאָריקער לעסער קומט אָן קיין דרעזדען. אין דער דאָזיקער שטאָט האָט דעמאָלט געהערשט דער גײַסט פון גרויסן מאָלער. דאָ האָט געלעבט און געשאַפן דער גרעסטער דײַטשער לאַנדשאַפט - מאָלער דער רעאַליסט קאַספּאַר דאַוויד פרידריך (1774־1840), דאָ האָט אויך געלעבט און געשאַפן דער באַרימטער פּייזאַזשיסט און נאַטור־פאָרשער קאַרוס (1789־1869). ביידע זענען זיי געשטאַנען ווײַט פון דער אָפיציעלער קונסט. לעסער האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט שטודירן די באַרימטע דרעזדענער גאַלעריע און מיט פאָרשן אַלטע פּוילישע מערקווערדיקייטן ווי מיט די לעקציעס אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. זוכנדיק די קינסטלערישע שפּורן פון פּוילנס פאַרגאַנגענהייט געפינט ער דעם פּאַנצער וואָס יאַן סאָביעסקי האָט געטראָגן בעת דער שלאַכט מיט די טערקן הינטער ווין. ער האָט געפונען געצעלטן וווּ עס האָבן געוווינט די טערקישע קריגסלײַט און וועלכע דאָס פּוילישע מיליטער האָט דעראָבערט. ער האָט אויך געהאַט אַ מעגלעכקייט אויסצושטודירן אַ פראַגמענט פון דער פאַרגאַנגענער עפּאָכע, האָבנדיק פאַר זיך די קרוינונגס־מונדירן פון פּוילישע קעניגן (פון אויגוסט דעם צווייטן און פון אויגוסט דעם דריטן), און נאָך אַ סך אַנדערע היסטאָרישע מערקווערדיקייטן און דאָקומענטן. די אַלע זאַכן, וועלכע האָבן געדאַרפט זײַן דאָס נאַציאָנאַלע אייגנטום פון פּוילישן פאָלק, האָבן די זאַקסישע מלכים בשעתם אַרויסגעפירט פון פּוילן, פּשוט צוגערויבט. אַזוי אַרום באַרײַכערט לעסער אין משך פון פיר יאָר לערנען אין דרעזדען זײַן היסטאָרישן און קינסטלערישן וויסן. ער ענדיקט די אַקאַדעמיע זייער גוט און באַקומט אַן אויסצייכענונג פון ערשטער מדרגה. אין יאָר 1836 פאַרלאָזט ער דרעזדען און פאָרט אַריבער, מיטן ציל צו פאַרטיפן זײַנע דעראָבערטע קענטעניש, קיין מינכען.

מינכען האָט געהאַט אין יענער צײַט אַן אַנדער באַדײַטונג פאַר אַ יונגן קינסטלער ווי דרעזדען. אין מינכען האָט זיך לעסער געוואָלט ווידמען קאָנקרעטע מאָלערײַ־שטודיעס, דערגרונטעווען די מאָלערישע טעכניק, באַקענען זיך מיט די מאָדערנע פאַר יענער צײַט שטרעמונגען אין דער פּלאַסטישער קונסט.

מינכען איז אָבער פול געווען מיט געפאַרן פאַרן יונגן טאַלאַנט. אין מינכען האָט דעמאָלט געהערשט די מאָדע פון מיסטיק און פּסיידאָ־רעליגיעזער קונסט. די אויסדריקערס און טרעגערס פון אָט דער שטרעמונג זענען געווען די קינסטלער וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום דער גרופּע פון די א"ג „נאַזאַרענער”. די דאָזיקע מאָדע, וועלכע האָט געלייגט דעם טראָפּ דער עיקר אויף דער אויסערלעכקייט און אויפן אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט, איז געווען אַ טיפער קעגנזאַץ צום רעאַליזם, צו דעם רעאַליסטישן סטיל מיט וועלכן עס איז געווען אַדורכגענומען אַלעקסאַנדער לעסער. לעסער האָט אַרויסגעוויזן, בײַם צונויפטרעפן זיך מיט דער נאַזאַרענישער שיטה, כאַראַקטער און אויסדויער. ער איז בײַגעשטאַנען דעם נסיון און האָט זיך נישט געלאָזט באַאײַנפלוסן דורך דער פרעמדער שעדלעכער מיסטיק; ער איז געבליבן אַ רעאַליסט. ער האָט אָבער אויך גענאָסן פון די מינכענער קינסטלער אין זין פון באַהערשן די מאָלערישע טעכניק, די פּרעציזקייט און פּינקטלעכקייט. ער האָט דאָ געלערנט קינסטלערישע טעכניק בײַ די מײַסטער שנאָר פאָן קאַרלספעלד און קאָרנעליוס. ער איז זיי געבליבן דאַנקבאַר אַ גאַנץ לעבן און האָט עס געבראַכט צום אויסדרוק אין די נעקראָלאָגן וואָס ער האָט אָנגעשריבן נאָך זייער טויט.



אויטאָפּאָרטרעט

לעסער האָט ממשיך געווען זײַנע שטודיעס אין דער מינכענער קונסט־אַקאַדעמיע וועלכע ער האָט געענדיקט מיט זילבערנע אויסצייכענונגען. אין מינכען האָט ער געלעבט צען יאָר. נאָכן ענדיקן די אַקאַדעמיע האָט ער זיך אײַנגעאָרדנט אַן אַטעליע און איז צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן זײַנע קינסטלערישע פּלענער. אין מינכען האָט ער געשאַפן אין יאָר 1840 דאָס באַרימטע ווערק „די פאַרטיידיקונג פון טרעמבאָוולע” — אויף דער טעמע פון דער העלדישער פאַרטיידיקונג פון דעם שלאָס אין יאָר 1675 קעגן דער טערקישער אינוואַזיע. דאָס איז געווען איינער פון די העלדישסטע קאַפּיטלען אין דער פּוילישער געשיכטע.

טרעמבאָוולע איז אין יאָר 1675 געוואָרן אַרומגערינגלט דורך די טערקן מיט אַ גרויסער אַרמיי און מיט אַ סך האַרמאַטן. דער שלאָס איז שטאַרק פאַרטיידיקט געוואָרן דורך דעם מוטיקן קאָמענדאַנט יאַן סאַמועל כשאַנאָווסקי, אָבער וואָס מער די לאַגע איז שווערער געוואָרן האָט זיך דײַטלעכער אַרויסגעוויזן ווער עס איז ווירקלעך איבערגעגעבן דעם פאָטערלאַנד און ווער עס וויל קאַפּיטולירן פאַרן שונא. די שליאַכטע האָט געהאַלטן אין איין האַמעווען און סאַבאָטירן די קאַמף־טעטיקייט. די לעכער אין די מויערן, וואָס זענען פאַראורזאַכט געוואָרן דורך די טערקישע האַרמאַטן, האָט מען נישט רעכטצײַטיק פאַרריכט, און די געפאַר פון אַרײַנרײַסן זיך פון די טערקן איז געוואָרן דערפאַר וואָס אַ מאָל גרעסער. צו לעצט האָבן זיך די העכערע שליאַכטע פאַרזאַמלט אין געהיים, כדי אָנצונעמען אַ באַשלוס פון קאַפּיטולאַציע. צום ריכטיקן מאָמענט האָט אָבער דעם דראָענדיקן פאַרראַט אַנטדעקט די פרוי פון קאָמענדאַנט, וועלכע האָט פון אָנהייב אָן פון דער באַלאַגערונג גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פאַרטיידיקונג. זי האָט געשלאָגן אַליאַרם.

דעם רײַכן סצענאַר פון פּאַטריאָטישן אויפברויז פון דער קלײנער שליאַכטע און פון די פּויערים, פון אָט די אמתדיקע פּאַטריאָטן, האָט לעסער גלענצנדיק אַרויסגעבראַכט. עס ווערט אינעם בילד אַקצענטירט די שטעלונג פון דעם קאָמענדאַנט, די פּאַטריאָטישע און אײנצײַטיק אַנטימאַגנאַטישע שטעלונג. די פאַרטיידיקער האָבן אויסגעהאַלטן, ביז די טערקן האָבן געמוזט אָפּטרעטן מיט גאָרנישט. די דאָזיקע מוטיקע האַנדלונג האָט געגעבן אַ בײַשפּיל אַנדערע שטעט צו פירן דעם באַפרײַונגס־קריג ביז צום ענדגילטיקן נצחון.

לעסערן איז אין דער קאָמפּאָזיציע געלונגען אַרויסצוברענגען די עמאָציאָנעלע ווירקונג פון דער היסטאָרישער געשעעניש און צו באַוועגן דעם צושויער, ער זאָל אַרויסטראָגן זײַן אורטייל איבער דער פּחדנות און פאַרראַט פון דער מאַגנאַטעריע.

דאָס דאָזיקע ערשטע גרויסע ווערק פון אַלעקסאַנדער לעסער איז אויסגעשטעלט געוואָרן און האָט אַרויסגערופן באַגײַסטערטע אָפּרופן. די קונסט־קריטיקער פון יענער צײַט האָבן אין זייערע אָפּהאַנדלונגען באַטאָנט אַז מיט דעם בילד איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פאַר דער פּוילישער געשיכטע־מאָלערײַ. פון דעמאָלט אָן ווערן כמעט אַלע לעסערס ווערק אויסגעשטעלט, סײַ אין וואַרשע און קראָקע, סײַ אין מינכען און דרעזדען. לעסער דער מאָלער באַקומט אָנערקענונג.

לעסערס לעבן איז כאַראַקטעריסטיש דערמיט וואָס דער קינסטלער באַפרײַדיקט זיך נישט קיין מאָל מיט זײַנע דערװאָרבענע קענטעניש. ער פאָרט קיין ענגלאַנד, האָלאַנד, פראַנקרײַך און איטאַליע. אומעטום גריבלט ער זיך אין די אַרכיוון און מוזייען, שלעפּט אַרויס אַלטע מאַטעריאַלן, בפרט די וואָס האָבן אַ גרויסע באַדײַטונג פאַר דער פּוילישער קולטור און געשיכטע. אין יענער צײַט טוט ער אויף פאַר דער פּוילישער קולטור־געשיכטע איינע פון די גרעסטע זאַכן: ער געפינט אין אַרכיוו פון דער שטאָט נירענבערג די פּראָצעסאַקטן פון אַמאָליקן פּוילישן סקולפּטאָר און קונסט־שניצער ווייט סטוואָש, דעם באַרימטן שעפער פון דעם גרויסן אַלטאַר אין דער מאַריאַצקער קירך אין קראָקע. אין וואָס האָט עס זיך געהאַנדלט אין ווייט סטוואָשס נירענבערגער פּראָצעס?

ווייט סטוואָש (ער האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון 15טן און אין אָנהייב פון 16טן יאָרהונדערט) איז אויך אײַנגעלאַדן געוואָרן קיין נירנבערג אויסצופירן קינסטלערישע באַשטעלונגען אין די דאָרטיקע קירכעס און קלויסטערס. אין יאָר 1500, בעת זײַן געפינען זיך אין נירנבערג, איז ער דאָ אומגעריכט באַשולדיקט געוואָרן אין פעלשן וועקסלען. דאָס איז געווען אַ פּשוטער בלבול! מען האָט דעם גרײַז גראָען קינסטלער באַשטראָפט לויט די מיטלעלטערלעכע דינים: אים אויסגעשטאָכן די אויגן און אַרײַנגעוואָרפן אין תּפיסה. אויב דאָס איז נאָך ווייניק געווען, האָבן די דײַטשע קונסט־היסטאָריקער, שטיצנדיק זיך אויף ליגנערישע נאָטיצן בײַם כראָניקער נוידערפער דעם עלטערן, אין זײַן ביכעלע „נאַכריכטן פון קינסטלער און ווערקלײַט” (1522), צוגעשריבן אַ

סך אַרבעטן פון וויט סטוואָשן דעם דײַטשען סקולפּטאָר אַדאַם קראַפּט. לעסער האָט אַרויסגעצויגן די אַלטע פּראָצעסאַקטן און רעהאַביליטירט סטוואָשן, אויפווײַזנדיק אַז דעם בלבול מיט די וועקסלען האָבן געמאַכט זײַנע פּערזענלעכע שונאים און אַז די ווערק וועלכע זענען צוגעשריבן על־פּי־טעות און פעלשונג קראַפּטן געהערן צו סטוואָשן. לעסערס דאָזיקער אויפטו איז געווען ברייט באַקאַנט. די אָנפירער פון נירענבערגער מוזיי האָבן לעסערן אויסגעדריקט עפנטלעך אַ דאַנק און אַנערקענונג.

נאָך פערצן יאָר אָפּזײַן אין דער פרעמד קערט זיך אום אַלעקסאַנדער לעסער, שוין אַ רײַפער און אָנערקענטער קינסטלער, אַהיים (אין 1846). ער באַזוכט קראָקע, וווּ ער באַפרײַנדט זיך מיטן באַקאַנטן קונסטקענער און היסטאָריקער יוזעף קרעמער. לעסער באַאַרבעט רעמאָלט די קאָנצעפּציע צום בילד „האָלד פּרוסקי" (מיט יאָרן שפּעטער האָט אויף דער זעלבער טעמע יאַן מאַטעיקאָ געמאָלן אַ גרויס ווערק).



מלך קאַזשימיעזש מיט אסתרקען

לעסער באַזעצט זיך אין זײַן היימשטאָט וואַרשע. לעסערס אומקערן זיך אין זײַן היימשטאָט האָט שטאַרק אַקטיוויזירט דאָס קונסטלעבן פון וואַרשע. צוזאַמען מיט וואָיטשעך גערסאָן, דעם באַרימטן פּוילישן קינסטלער און פּעדאַגאָג, האָט לעסער געשאַפן די „טאָוואַזשיסטוואָ זאַכענטי שטוק פּיענקניך" (געזעלשאַפט צו באַגינסטיקן די שיינע קונסט" — די באַרימטע „זאַכענטאַ"). דאָס איז אין יענער צײַט געווען אַ קאָלאָסאַלער אויפטו אין קאָנגרעס־פּוילן. דאָס איז געווען אַ דרייסטע פּאַטריאָטישע איניציאַטיוו צו שאַפן אַ צענטער פון אייגענער פּוילישער קונסט. דאָס איז געווען אַן אַקט קעגן דעם קאָסמאָפּאָליטישן גײַסט וואָס האָט באַהערשט די אָפיציעלע פּוילישע קונסטסאַלאָנען. למשל, אין דער קראָקאָווער „טאָוואַזשיסטוואָ שטוק פּיענקניך" פלעגט מען אויסשטעלן ס'רוב שלעכטע פּראָדוקציעס, אָבער זיי זענען געווען פון דײַטשע אָדער עסטרײַכישע אויטאָרן. וועגן דעם האָט מיט פאַרביטערונג געשריבן אינעם זשורנאַל „קלאָסי" דער גרויסער פּוילישער קינסטלער ווילהעלם לעאָפּאָלסקי.

צו דעם ציל פון אויפהייבן די אָריגינעלע פּוילישע קונסט האָט אויך געדינט די קונסטשול וועלכע עס האָט געגרינדעט וואָיטשעך גערסאָן און וווּ עס איז געווען אַ לערער אַלעקסאַנדער לעסער. ביידע האָבן זיי די גרעסטע פאַרדינסטן בײַם אַנטוויקלען די פּוילישע קונסט און דערציִען פּוילישע קינסטלער. לעסער איז נישט געווען דער איינציקער ייִדיש־פּוילישער אינטעליגענט וואָס איז געווען צווישן די וויכטיקסטע בויער פון דער פּוילישער קולטור. דאָס איז געווען אַ גאַנצע גרופּע. דערבײַ האָט לעסער נישט בלויז קיין מאָל נישט פאַרלייקנט זײַן ייִדישן אָפּשטאַם און זײַן ייִדישע צוגעהעריקייט, נאָר ער איז אַרויסגעטראָטן ווערדיק ווי אַ ייִד און פאַרטיידיקט דעם ייִדישן כבוד. אין גיכן וועט אים טאַקע אויסקומען דאָס צו דערווײַזן מיט מעשים.

אין די פופציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, צוזאַמען מיטן פאַרשאַרפטן געראַנגל צווישן דעם אויפקומענדיקן קאַפּיטאַליזם און דעם אָפּגעשפּילטן פעאָדאַלן עלעמענט, און איינעם מיט דעם פאַרשטאַרקטן עקאָנאָמישן אַנטאַגאָניזם צווישן דער פּוילישער און ייִדישער מיטל־בורזשואַזיע, קומט ווידער אויף די אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע אין פּוילן. די צאַרישע מאַכט העצט נאָך מער אונטער דעם אַנטאַגאָניזם, האַלטנדיק זיך בײַ דעם אַלטן סיסטעם פון „טייל און הערש". אין שפּיץ פון דער אַנטי־ייִדישער העצע רוקט זיך אַרויס די „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ", דער שפּעטערדיקער הויפּט־אָרגאַן פון די ענדעקעס. פאַר איר זענען טריף אַלע ייִדן, נישט בלויז די „כאַלאַטשאַזשעס", נאָר אויך די מאָדערנע. בעיקר שטעכט איר אין די אויגן דער פאַקט וואָס ייִדישע משכילים נעמען אָנטייל אין דער בויונג פון דער פּוילישער קולטור. די ייִדישע אינטעליגענץ נעמט אונטער אַ קאַמף קעגן דער אַנטיסעמיטישער אַגיטאַציע. זי ווערט געשטיצט דורך די פּראָגרעסיווע און רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישע כוחות אין דער פּוילישער געזעלשאַפט. אַ גרופּע פון 23 וואַרשעווער ייִדישע אינטעליגענטן, בתוכם אַלעקסאַנדער לעסער, רופן אַרויס אינדיווידועל דעם שעף־רעדאַקטאָר פון „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" לעשנאָווסקי אויף אַ דועל. מיר גייען דאָ נישט אַרײַן אין אַן אָפּשאַצונג פון דעם פאַרעלטערטן אופן פון קאַמף, אָבער מיר ווילן נאָר אונטערשטרײַכן דעם פאַקט גופא. לעשנאָווסקי קלאָגט אָן די 23 ייִדן פאַר באַליידיקונג, און דאָס צאַרישע געריכט פאַרמשפּעט די דאָזיקע ייִדישע אינטעליגענטן, צווישן זיי אויך לעסערן, צו דרײַ חדשים אַרעסט. די פּראָגרעסיווע און פּאַטריאָטישע טיילן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט האָבן זיך, ווי געזאָגט, סאָלידאַריזירט מיט די ייִדן. אין גיכן קומען די ערב־אויפשטאַנד־יאָרן, די תקופה, וואָס איז אַרײַן אין דער געשיכטע פון פּוילן און פון פּוילישן ייִדנטום אונטערן נאָמען „פּויליש־ייִדישע פאַרברידערונג".

לעסער געפינט זיך פולשטענדיק אונטערן אײַנפלוס פון אט דער פארברידערונגס־אידעע. ער איז פארכאפט פון א גוואלדיק שעפערײשער טעטיקייט. אין יאר 1860 פארענדיקט ער א גרויס לעבנסווערק — די סעריע בילדער פון פערציק פוילישע קעניגן און פירשטן. די דאזיקע סעריע האט אים געקאסט זייער א סך מי און שטודיעס. אין דעם צוגרייט־פעריאד האט ער אדורכגעמאכט וויכטיקע ארכעאלאגישע שטודיעס, געמאכט ווײַטע נסיעות, באזוכט א סך קלויסטערס, געלייענט אלע אלטע כראניקעס און א שלל היסטארישן מאטעריאל. ער האט ס'רוב געמוזט פון קלייניקע פרטים אויפשטעלן א גאנץ בילד. פון קעניג וולאדיסלאוו לאקיעטעק (1333-1260) איז, למשל, גארנישט געווען. האט לעסער געפונען א זיגל און אויף דעם סמך צוזאמען מיט דער זאמדשטיין־מצבה פון דער קראקאווער קאטעדראלע, האט ער קאנסטרויִרט א בילד פון דעם מלך. פונקט אזוי איז געווען מיטן ווראצלאווער פירשט הענריק פראבוס (1248-1209). אויך בײַ קאזשימיעזש יאגעלאנטשיק (1492-1427) האט לעסער געמוזט קאנסטרויִרן זײַן פיזיאנאמיע פון א מארמארענעם מצבה־בילד — אא"וו. די דאזיקע מאנומענטאלע סעריע האט ארויסגערוקט לעסערן אין סאמע אויבנאן פון דער פוילישער געשיכטע־מאלערײַ. די קראקאווער וויסנשאפט־אקאדעמיע, אפשאצנדיק נישט בלויז לעסערס קינסטלערישן אויפטו נאר אויך זיין פארשערישע ארבעט, האט אים אײַנשטימיק אויסגעוויילט פאר א מיטגליד פון דער דאזיקער אין יענער צײַט העכסטער אינסטאנץ פון דער פוילישער וויסנשאפט. ער האט אויך באקומען מעדאלן און אנדערע אויסצייכענונגען.



קאפערניק אויפן טויטן בעט

צו לעסערס היסטארישע קאמפאזיציעס וואס זענען געשאפן געווארן אין יענעם פעריאד געהערט דאס בילד „סקארבעק האבדאנק" (געשאפן אין 1851). דאס דאזיקע בילד שטעלט פאר די באקאנטע סצענע ווי דער שליח פונעם פוילישן מושל באלעסלאוו קשיוואוסטי געפינט זיך אין דער קווארטיר פון דעם דײַטשן קייזער הינטער דער באלאגערטער שטאט גלאגוו. פול מיט גאווה אויף זײַן אוצר מיט נאלד ווײַזט דער קייזער דעם פוילישן שליח זײַן רײַכטום. דער שליח נעמט אראפ פון פינגער זײַן רינג און ווארפט עס ארײַן אין קייזערס אוצר. דער קייזער ענטפערט: „האבדאנק!" — צו זײַנע באקאנטע היסטארישע קאמפאזיציעס געהערט דאס גרויסע אײלבילד פון מיקאלײַ קאפערניק, וואס איז אויסגעשטעלט געווארן אין 1878 אין ווארשע. וועגן דעם בילד האט געשריבן דער באקאנטער קונסט־קריטיקער א. פלוג אין „קלאסי" פון 1878 אט וואס: „דער קינסטלער לעסער שטעלט פאר דעם מאמענט ווען קאפערניק זיצט א געבראכענער פון זײַן שטערבלעכער קראנקהייט אין שטול, אונטערגעהאלטן דורך זײַנע טרײַע דינער. ער קוקט ארײַן אין זײַנע ווערק וואס עס האט אים אקערשט געבראכט זײַן פארלעגער און דרוקער יאן פעטריוש. נעבן אים שטייט דער געלערנטער בישוף פון ווארמיע, יאן דאנטישאק, וועלכער איז געווען אן אנהענגער פון זײַן טעאריע. לעסער האט ארײַנגעמאלט אינעם בילד די גאנצע שטוב־ארכיטעקטור, די אסטראנאמישע אינסטרומענטן און אויך דעם טורעם פון דער קירך פון פראמבארק, וואס פון זײַן פענצטער האט קאפערניק געמאכט זײַנע וועלט אנטדעקערישע אבסערוואציעס. מען קאן צו פלוגס אפשאצונג צוגעבן אז לעסער האט קאפערניקס פנים גענומען פון דעם עלטסטן דענקמאל אין דער קירך פון הייליקן יאן פון טארון און פון צוויי האלצשניטן, וועלכע האבן שוין נישט עקסיסטירט. דאס בילד געפינט זיך אין רוים, אינעם קאפערניק־מוזיי, וועלכער איז געגרינדעט געווארן אין יענער צײַט. מען דארף דא באטאנען אז לאנג איז דאס דאזיקע בילד געשטאנען בײַם קינסטלער און געווארט אויף א בעלן, א קויפער. אין לאנד האט זיך נישט געפונען קיינער וואס זאל קויפן דאס בילד. וועגן דעם שרײַבט מיט ביטערניש דער „טיגאדניק אילוסטראוואני" (1880).

לעסער איז געווען איינער פון די טאלאנטירטסטע מאלער פון דעם רעוואלוציאנערן אויפברויז ערב דעם יאנואר־אויפשטאנד. בכלל איז ער נישט קיין סתם געשיכטע־מאלער! ער מאלט מיט באגײַסטערונג בילדער פון קאמף קעגן אגרעסיע, אונטערדריקונג און פינצטערניש: „די פארטיידיקונג פון טרעמבאוולע" קענן דער טער־

קישער אינוואַזיע און דער מאַנגאַטעריע „האַבדאַנק״״ (קעגן דער דייַטש־קייזערשער אַגרעסיע), „קאָפּערניק״ (פאַר ווייסן און קעגן פינצטערניש). אַזאַ איז ער אויך אין זייַנע בילדער פון די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן אין יאָר 1861. חוץ דעם אַלגעמיינעם רעוואָלוציאָנער־פּאַטריאָטישן מאָמענט האָט ער דאָ אונטערגעשטראָכן דעם ייִדיש־דעמאָקראַטישן מאָמענט, דעם ייִדישן אָנטייל אין דער באַוועגונג.

די געשעענישן ערב דעם אויפשטאַנד האָבן אויסגעזען אַזוי: דעם 27טן פעברואַר 1861 איז פאָרגעקומען אויף דער לעשנאָ־גאַס אַן אויסערגעוויינלעכע דעמאָנסטראַציע. עס האָבן זיך באַטייליקט די ברייטסטע מאַסן פון דער באַפעלקערונג. בייַ דער דעמאָנסטראַציע זייַנען אומגעקומען פינף מענטשן. דעם 2טן מאַרץ 1861 איז פאָרגעקומען אַ ריזיקע לוויה פון די פינף הרוגים. עס האָבן זיך באַטייליקט 168 טויזנט מענטשן. די גראַנדיעזע דעמאָנסטראַציע איז צו יענער צייַט געווען אַן אויסדרוק פון פאַרברידערונג צווישן די פוילישע און ייִדישע מענטשן אין וואַרשע. לעסער האָט דאָס אַרויסגעכאַפּט אויף צוויי גרויסע לייַוונטן און געשאַפן דערפון צוויי היסטאָרישע דאָקומענטן פון דער אויסערגעוויינלעכער געשעעניש. וועגן די ביידע בילדער האָט מען אין משך פון עטלעכע און פערציק יאָר בכלל נישט דערמאָנט, נישט נאָר אין קאָנגרעס־פוילן, נאָר אויך נישט אין גאַליציע, וואָס איז געווען אונטער דער מאַכט פון עסטרייַך. ערשט אין יאָר 1906 דערשייַנט גלייַכצייַטיק אין „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני״ און אין „שוויאַט״ איינס פון די צוויי בילדער. בלויז דער זשורנאַל „ביעשאַדאַ ליטעראַצקאַ״ ברענגט ביידע בילדער אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן אַרטיקל וועגן דעם אויפשטאַנד פון יאָר 1863. אויף איין בילד זעען מיר אַ געוואַלדיק גרויסע לוויה, עס ווערן געטראָגן 5 טרומנעס. דאָס איז באמת אַ זייער רייַכע קאָמפּאָזיציאָנעלע שאַפונג פון קינסטלער, זי האָט אַלע וואַלאָרן פון אַ מאַסן־גרופּנבילד. די קאָלאָריסטיק דערגייט דאָ צו זייער אַ הויכער מדרגה. אין דעם צווייטן בילד האָט לעסער פאָרגעשטעלט די צערעמאָניעס אויפן צמענטאַזש. אויף דעם בילד זעען מיר אַ גרויסן פערסאָנאַזש פון מענטשן, און יעדער פון זיי ווערט פאָרגעשטעלט מיט דער דייטלעכסטער פיזיאָנאָמיע.

לעבן דעם אַרצבישאָף פיאַלקאָווסקי שטייען בעריש מייזעל און דער פרידיקער יאַסטראָוו, און אויף דער אַנדערער זייַט, אויף רעכטס — דער עוואַנגעלישער פּאַסטאָר אָטטאָ. מיר דערקענען דאָרטן אויך אַ סך ייִדישע פערזענלעכקייטן, ווי למשל, מאַטיאַס ראָזען. לעסער האָט זיך אַליין אין דעם בילד אויך אַרייַנגעמאָלט. אויך דעם שרייַבער יוזעף־איגנאַצי קראַשעווסקי, דעם שרייַבער סאָזשעניאָווסקי, זאַמאָיסקי און פּאָטאָצקי — זיי אַלע האָט לעסער אַרייַנגעמאָלט מיט זייערע ריכטיקע פיזיאָנאָמיעס אינעם בילד. לעסער האָט מיט די צוויי בילדער באַוויזן ווי נאָענט זייַן באַציִונג איז געווען צו די צייַט־געשעענישן. לעסער איז דעמאָלט געשטאַנען אין זייער נאָענטע באַציִונגען מיטן גרויסן פוילישן היסטאָריקער און רעוואָלוציאָנערן דעמאָקראַט, יאָאַכים לעלעוועל. אין יאָר 1857 האָט ער דעם אַלטן היסטאָריקער באַזוכט אין זייַן בריסעלער היים און האָט געשאַפן אַ רירנדיקע צייכענונג פון זייַן באַזוך בייַ דעם פוילישן פּאַטריאָט. מיר זעען לעלעוועלן זיצן אויף אַ שטול מיט געשלאָסענע אויגן. די היים זעט אויס ווי אַ בוידעמשטיבל, אַ ברייט־נידעריקער טיש, אייניקע ביכער, אַ לאָמפּ, און מען פילט די גאַנצע פאַרלאָזנקייט פונעם גרויסן געלערנטן אויף דער עמיגראַציע. אויך דאָס בילד איז כמעט אומבאַקאַנט. לעסער האָט אויך געשאַפן אַ סך בילדער אויף ייִדישער טעמאַטיק. אויף ביבלישע מאָטיוון האָט ער נאָך אין מינכען געמאָלט דאָס בילד „דוויד דאַנקט גאָט״. ער האָט געמאָלט אויף דער טעמאַטיק פון דער פויליש ייִדישער געשיכטע אַ גרויסע קאָמפּאָזיציע: ווי קאַזשימיעזש דער גרויסער גיט ייִדן פריווילעגיעס. מיט גרויס פאַרשטענדעניש און איבערגעגעבנקייט האָט ער אַרויסגעפירט יעדע איינצלנע פיגור מיט סימפּאַטישע שטריכן. אויך דעם ייִדישן העלד פון דעם קאָשציושקאָ־אויפשטאַנד, בערעק יאָסעלעוויטש, האָט לעסער געמאָלט, באַצייכענענדיק אים ווי אַ העראָישע געשטאַלט פון דער ייִדיש־פוילישער געשיכטע.

אין רעזולטאַט פון די אַרבעטן קאָן מען קומען צום אויספיר אַז לעסערן האָט שטאַרק אינטערעסירט די ייִדישע טעמאַטיק, און ווו ער האָט נאָר געקענט האָט ער זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זייַן מיטטעטיקייט. אין מוזיי פון מאַטיאַס בערסאָן אין וואַרשע האָט זיך געפונען אַ קאָרעספּאָנדענץ צווישן קינסטלער און דעם שעפער פונעם ייִדישן מוזיי וואָס האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיט דער



לוויה פון פינף הרוגים

אויספאָרשונג פון די אַלטע האָלצשילן אין פּוילן. מיר וועלן דאָ אָפּדרוקן איין בריוו פון לעסערן: „ליבער מאַטיאַס! מיט אָנגענעמקייט האָב איך איבערגעלייענט דיַין ריכטיקע באַשרייַבונג פון דער קוזמירער שיל אויף וועלכער איך האָב שוין לאַנג דיר אויפמערקזאַם געמאַכט, און איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין „נירנבערגער אַנצייַגער". דיַין באַשרייַבונג איז אויסשעפּנדיק און געמאַכט מיט גרויסער גרינטלעכקייט. ס'וואָלט ווערט געווען דעם אַרטיקל צו פאַרגלייַכן מיט דער באַשרייַבונג פון עסנווייַן און בייצולייגן אַ האָלצשניט פון דער אייַזערנער בימה, וועלכע איך קען נישט. די „קלאָסי" וועט דאָס גערן אָפּדרוקן. איך וויל דיר נאָר מאַכן אויפמערקזאַם אויף אַ קינסטלער, וואָס ווערט דערמאָנט אָפטער אין די באַשרייַבונגען פון קראָקע, מיט דעם נאָמען סאַנטי גוטסי, וועלכער האָט געזאָלט אין דער צייַט פון דער רעגירונג פון באַטאָרי איבערבויען דעם שלאָס אין לאָבזאָווע, ווו עס האָט געזאָלט בייַ קאַזימיעזש דעם גרויסן וווינען אסתרקע — 1868.6.5".

ווי איז געווען די באַציִונג צו אַלעקסאַנדער לעסער און זייַנע אויפטוען מצד זייַנע מיטצייַטלער? די אַנטיסעמיטן, עלעהיי לעשנאָווסקי, האָבן אים געהאַסט און באַקעמפט. די דעמאָקראַטישע און פּאַטריאָטישע פּוילישע עלעמענטן, בפרט די פון דער קונסט־, וויסנשאַפט־ און ליטעראַטור־וועלט, האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט דער העכסטער אָנערקענונג און סימפּאַטיע. אָט זענען עטלעכע אַרויסזאָגן־אָפּשאַצונגען וועגן לעסערן מצד עטלעכע באַקאַנטע מיטצייַטלער זייַנע. דער באַקאַנטער קונסטקריטיקער הענריק סטרוּווע האָט נאָך לעסערס טויט געשריבן וועגן אים אין „קלאָסי" צווישן אַנדערס אָט וואָס: „לעסער האָט געהערט צו דער קליינער צאָל רעפּרעזענטאַנטן פון פּוילישן פאָלק וועלכע האָבן געהאַט אַן אַנטשיידנדיקן אייַנפלוס אויף זייַן פּראָגרעס. די שאַפונגען פון מאַטעיקאָ שטעלן זיך פאָר ווי די העכסטע אַנטוויקלונג פון אונדזער נאַציאָנאַלער קונסט, אָבער לעסערס און סוכאָדאָלסקיס שאַפונגען זענען די ערשטע געשיכטע־מאָלערייַ פון פּוילן. סוכאָדאָלסקי און לעסער האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אונדזער געשיכטלעכער קונסט, מיט די בילדער: „די פאַרטיידיקונג פון טרעמבאָוולע", „האַבדאַנק", „באָלעסלאַוו קזשיוואָוסטי" און די פּאָרטרעטן פון די פּוילישע קעניגן. מאַטעיקאָ איז געשטאַנען אויף זייערע פּלייצעס. דערבייַ האָט שמוגלעוויטש נישט געשאַפן גענוג מאַטעריאַל פון דער פּוילישער געשיכטע. ערשט בייַ לעסערן זענען אויפן לייַוונט, אויף דער פאָן פון זייער עפּאָכע, געשאַפן געוואָרן די היסטאָרישע געשטאַלטן. וואָלט לעסער נאָר געווען געשאַפן די פּאָרטרעטן פון די קעניגן, וואָלט ער שוין דערמיט אַליין געהאַט אַן אומגעוויינלעכן פאַרדינסט".

איצט וועלן מיר איבערגעבן אַ קליינעם אויסצוג וואָס דער גרויסער פּוילישער שרייַבער און אַליין אַ קינסטלער, יוזעף־איגנאַצי קראַשעווסקי האָט געשריבן וועגן לעסערן אין זייַן נעקראָלאָג: „לעסער איז געווען זייער באַשיידן, ער האָט זיך נישט אָנגעשטרענגט צו ווערן באַקאַנט ווי ער האָט עס פאַרדינט. ער איז אויף זייַן אַרט געווען אַן אויסגעצייכנטער קינסטלער און שטייט בייַ אונדז אין שפּיץ פון די וואָס האָבן אָנגעוויזן אַ ריכטונג. אומזיסט האָט זיך בייַ אונדז באַמיט א. סטאַכעוויטש. לעסער איז געווען דער ערשטער קינסטלער בייַ אונדז מיט אַ באַגאַזש פון וויסן וואָס האָט זיך גענומען צו געשיכטע־מאָלערייַ. לעסער האָט געאַרבעט פּאַמעלעך אָבער ערנסט. ער איז געווען אויסערגעוויינלעך פאַראַנטוואָרטלעך מיט גרויס זאָרג האָט ער שטודירט אַלע דענקמעלער, ער איז געווען דער בעסטער קענער פון דער פּוילישער פאַרגאַנגענהייט. ווער ווייסט צי ווען עס וואָלט נישט געווען לעסער, צי עס וואָלט געווען מאַטעיקאָ?".

אויך וואָיטשעך גערסאָן האָט געזונגען אַ לויבגעזאַנג פאַר לעסערן. לעסער — זאָגט גערסאָן, — איז נישט געגאַנגען אין די אויסגעטראָטענע וועגן פון סטאַכעוויטשן, שמוגלעוויטשן, באַציאַרעלין, סוכאָדאָלסקין. לעסער האָט טיפער אַרייַנגעבליקט און באַנומען דאָס אַלטע פּוילישע לעבן. לעסער האָט מיט זייַנע שאַפונגען באַרייַכערט די פּוילישע קולטור.

נאַטירלעך האָבן די דעמאָלטיקע אָפּשאַצער נישט געקענט תופס זייַן אין דער פולער מאָס לעסערס אידעאָלאָגיע. לעסער איז נאָענט געווען צו דער רעוואָלוציאָנערער קינסטלערישער שול פון גוסטאַוו קורבעט, דעם פּאַריזער קאָמונאַר וועלכער האָט אַ לאַנגע צייַט געמוזט פּראַווען גלות אין מינכען. לעסער און מאַטעיקאָ, ביידע געשיכטע־מאָלער, זענען אָבער צוויי וועלטן. לעסער איז אָן אַ ערך רעאַליסטישער פון מאַטעיקאָן. אין קעגנזאַץ צו לעסערן האָט דער גרויסער מייַסטער מאַטעיקאָ נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר די צייַט־געשעענישן. אַפילו די געשעענישן פון די יאָרן 1863-1861 האָט מאַטעיקאָ נישט אָנגעמערקט קינסטלעריש. זייַן לעצטע טעמע פון דער פּוילישער געשיכטע איז געווען ראַצלאַוויצע. דערמיט שליסט ער אָפּ די היסטאָרישע געשעעניש אין פּוילן. מאַטעיקאָ איז געווען אַ ראָמאַנטיקער, אַ וויזיאָנער, מיט אַ פּאַטאָס פון אויסערגעוויינלעכער קראַפט, אָבער זייַנע געפילן, זייַן פּאַסיע, זענען געשטאַנען אויפן באָדן פון דער שליאַכטע און פּאַקטיש האָט ער פאַרהערלעכט אַלטע מאָטיוון אָן אַ טיפערן אַנאַליז פון דער היסטאָרישער ווירקלעכקייט. לעסער אינטערפּרעטירט זייַנע שאַפונגען אָן פּלאַם, גיכער מיט אַ וויסנשאַפטלעכער גרינטלעכקייט, אָבער מיט שטאַרקער באַהאַוונטקייט אין די געשיכטלעכע געשעענישן. לעסער האָט שטענדיק געהאַט אין זינען מען זאָל אים קענען פאַרשטיין. געמאָלט האָט ער אין דער צייַט ווען עס זענען שוין אויפגעקומען די כל־המינים סטילן, ווען דער אימפּרעסיאָניזם האָט געפייַערט זייַנע גרעסטע טריומפן. און דאָך האָט ער אויסגעהאַלטן און געבליבן אַ רעאַליסט. נאָך זייַן טויט האָט מען שוין געהאַלטן אין דער מאָלערייַ בייַ די בלויע פערד, גרינע פּנימער, און געלע בערד. דעמאָלט האָט מען פאַרגעסן לעסערן. מען האָט אויך אין יענער צייַט יאַן מאַטעיקאָן און זייַנע קאָלאָסאַלע שאַפונגען געהאַלטן פאַר שלעכטער מאָלערייַ. באַזונדערס זענען די רעאַקציאָנערע היסטאָריקער אַדורכגעגאַנגען מיט פאַרברעכערישן שטילשווייַגן איבער לעסערן און זיין ראָלע און זייַן באַטייַט פאַר דער פּוילישער קולטור און בפרט מאָלערייַ. דאָ האָט זיך דער רעאַקציאָנערער צוגאַנג און אַנטיסעמיטיזם פאַראייניקט מיט קעגנערשאַפט צום רעאַליזם. ער איז אויך לגמרי עלימינירט געוואָרן פון דער אָפיציעלער קונסט־געשיכטע אין ענדעקיש־סאַנאַטאָרישן פּוילן אין דעם פּעריאָד 1939-1917.

אַלעקסאַנדער לעסער איז געווען נישט בלויז שעפער, ער איז אויך געווען אָרגאַניזאַטאָר און דערציִער. ער איז געווען נישט בלויז אַ מיטשעפער פון „זאַכענטאַ", נאָר אויך איר לאַנגיאָריקער וויצע־פּרעזעס. ער איז עטלעכע מאָל דעלעגירט געוואָרן דורך די פּוילישע קינסטלער קיין אויסלאַנד צו אָרגאַניזירן אויסשטעלונגען. ווי אַ פּעדאַגאָג האָט ער זיך אינטערעסירט מיט די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון די שילערס. ער האָט געשאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן פאָנד צו שטיצן יונגע טאַלאַנטן. צווישן אַנדערס האָט ער געשאַפן אַ סטיפּענדיע פאַרן שפּעטערדיקן וועלט באַרימטן קופּער־שטעכער הענריק רעדליך (1884-1840), אַ זון פון אַן אָרעמען ייִדישן וועבער פון לאַסק, בייַ לאָדזש.

וועגן לעסערס חברישקייט, באַשיידנקייט און אויפמערקזאַמקייט צו יונגע טאַלאַנטן זאָגט עדות דער ווייַטערדיקער פאַקט: בשעת ער האָט געמאַכט אַ ריי שטודיעס צום פּראָיעקטירטן בילד „באַרבאַראַ ראַדזשיווילוּוונאַ", איז ער מיט אַ מאָל געוווּיר געוואָרן אַז זייַן ייִנגערער פרייַנד יוזעף זימלער האָט בדעה צו מאָלן אַ בילד אויף דער זעלביקער טעמע. לעסער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון זייַן אייגענעם פּראָיעקט כדי צו דערמעגלעכן אַ יונגן טאַלאַנט צו שאַפן.

לעסער איז געווען פּרוכטבאַר אויך ווי אַ שרייַבער אויף וויסנשאַפטלעך־היסטאָרישע און קינסטלערישע טעמעס. ער האָט געפונען און פאַרעפנטלעכט אַ ריי קוואַלן צו פּוילנס געשיכטע. ער האָט כסדר געדרוקט אָפּהאַנדלונגען וועגן אויסשטעלונגען.

לעסער איז געווען טעטיק געזעלשאַפטלעך אין דער ייִדישער סביבה. ער האָט זיך געווידמעט דער יתומים־פאַרזאָרגונג און אַ סך אויפגעטאָן פאַר ייִדישע יתומים. ער האָט תמיד מוטיק געקעמפט קעגן אַנטיסעמיטיזם. ער האָט זיך אָנערקענט פאַר אַ ייִד. זייַן לוויה איז פאָרגעקומען אויף אַ ייִדישן אופן — מיט אַ חזן און משוררים (לעסער איז געווען פאַרהייראַט מיט יוליע בערגסאָן).

אַלעקסאַנדער לעסער איז געשטאָרבן דעם 7טן מאַרץ 1834 אין וואַרשע. די לוויה איז פאָרגעקומען דעם 10טן מאַרץ בייַ דער באַטייליקונג פון גרויסע מאַסן פון דער ייִדישער און פּוילישער באַפעלקערונג. אין דער לוויה האָבן אָנטייל גענומען די ייִדישע קינדער פונעם יתומים־הויז, וועלכן אַלעקסאַנדער לעסער האָט מיט אַזוי פיל איבערגעגעבנקייט געדינט. אין דער לוויה האָבן זיך אויך באַטייליקט כמעט אַלע פּוילישע און ייִדישע קינדער פון וואַרשע און פאָרשטייער פון וויסנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. די לוויה פון

אַלעקסאַנדער לעסער האָט פאַראייביקט אין אַ בילד דער באַקאַנטער פוילישער קינסטלער י. קאָנאָפּאַצקי.

צום ערשטן יאָר נאָך לעסערס טויט האָט די געזעלשאַפט „זאַכענטאַ שטוק פּיענקניך" אין וואַרשע אָרגאַניזירט אַ גרויסע אויסשטעלונג צום געדענקטאָג פון זייער לאַנגיאָריקן וויצעפּרעזעס. מיט דער אָרגאַניזירונג און פּראָיעקטירונג פון דער אויסשטעלונג האָבן זיך אָפּגעגעבן זײַנע פרײַנד, די פּוילישע קינסטלער: וואָיטשעך גערסאָן, אַלפרעד שופּפּע און קאַניעווסקי. די דעמאָלטיקע פרעסע האָט די אויסשטעלונג געשענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט. דער שרײַבער הענריק סטרוּווע האָט אַרויסגעגעבן אַ בראָשור, צוזאַמענגעשטעלט פון לעסערס אַרטיקלען, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין יאָר 1884 אין „קלאָסי". די בראָשור האָט אויך פאַרמאָגט רעפּראָדוקציעס אין האָלצשניטן פון די וויכטיקסטע ווערק פון אַלעקסאַנדער לעסער און אויך זײַן פּאָרטרעט (די ריינע הכנסה פון דער בראָשור האָט דער מחבר באַשטימט פאַר דעם פאָנד צו בויען אַן אייגענעם בנין פאַר דער „זאַכענטאַ"). וועגן דער אויסשטעלונג האָט דער דערמאָנטער שרײַבער, אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ באַריכט איבער נאָך אַנדערע קונסט־אימפּרעזעס, געשריבן: „איך האָב שוין אויף אַן אַנדער אָרט געשריבן און וויל דאָ נישט איבערחזרן; איך וויל נאָר דאָ אויפן וואַרעמסטן אופן עצהנען צו באַזוכן די אויסשטעלונג פון אַלעקסאַנדער לעסער און מיט די אייגענע אויגן זען די בילדער פון דעם באַרימטן שעפער פון דעם בילד „די פאַרטיידיקונג פון טרעמבאָוולע". לעסער האָט זיך מיט זײַנע אַרבעטן דערוואָרבן אַן אומפאַרגעסלעכן פאַרדינסט פאַר דער פּוילישער היסטאָרישער קונסט".

אַלעקסאַנדער לעסער באַקומט איצט זײַן אמתן תיקון אין די נײַע באַדינגונגען פון פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן. אין דער רײַכער קולטור־ירושה פון אַמאָל, וועלכע עס נעמט איבער דאָס באַפרײַטע אַרבעטנדיקע פאָלק, פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט דער גרויסער קינסטלער־רעאַליסט און פּאַטריאָט אַלעקסאַנדער לעסער. ער פאַרדינט זיך אַ גרויסע מאָנאָגראַפיע. די דאָזיקע קורצע שטודיע איז נאָר אַ קליינער צושטײַער צו דעם וואָס עס דאַרף וועגן לעסערן געשאַפן ווערן.

אַרויסגענומען פון „בלעטער פאַר געשיכטע"
(פערטליאָר־שריפט) פון יידישן היסטאָרישן
אינסטיטוט אין פּוילן. אָקטאָבער־דעצעמבער
1951 באַנד 4, ה' 4.

היסטאָרישע דאָקומענטן

דער אַרטיקל „הוזשאַ נאַ זשידווו״ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אויגוסט 1882 אין צוריך, אינעם אָרגאַן פון דער פוילישער אַרבעטער-פאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט״. געשריבן איז ער דורך איינעם פון די וויכטיקסטע אידעאָלאָגן, שמעון דיקשטיין — יאַן מלאָט, מחבר פון דער היסטאָריש געוואָרענער בראָשור „פון וואָס איינער לעבט״, וואָס איז אין איר צייט געווען פון די ערשטע און בעסט געשריבענע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע-אַרבעטן אין דער רוסלענדישער אימפּעריע.

דער דאָזיקער אַרטיקל איז דערשינען אין „פּשעשוויט״ אין אַ צייט פון אַווילדער אַנטיסעמיטישער העצע, וואָס די צאַרישע רעאַקציע האָט אויפגעהויבן אָנהייב די 80ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט.

שמעון דיקשטיין

א.

„הוזשאַ נאַ זשידווו״

„פאַלט אָן אויף יידן! לאָמיר זיי שלאָגן, זיי מאָרדן... לאָמיר זיי ראַבירן! אפשר וועלן זיי זיך דערשרעקן, אפשר וועלן זיי אונדז שוין איין מאָל לאָזן במנוחה... אפשר וועלן מיר פּטרן אָט די פּלאָג פון אונדזערע הײַזער, דערפער און שטעט... דעמאָלט וועלן מיר קאָנען פרײַ אָפּעטעמען; מיר וועלן מער נישט האָבן קיין וווּכערער, מיר וועלן מער נישט ווערן אָפּגענאַרט בײַם קויפן, מיר וועלן נישט פאַרקויפן אונדזערע סחורות בחצי חנם; די פאַרדינסטן וועלן זיך אומעטום פאַרגרעסערן... איז דעריבער — קעמפט מיט די יידן! לאָמיר זיי שלאָגן, לאָמיר פאַרניכטן זייערע יישובים, לאָמיר זיי פאַרטרײַבן -״

אָט וואָס פאַר אַ געדאַנקען עס ווערן פאַרשפּרייט זינט עטלעכע יאָר צווישן פאָלק.

אָנגעהויבן האָט זיך אַזאַ העצע קעגן יידן מיט אַ דרײַ יאָר צוריק אין דײַטשלאַנד. פון דײַטשלאַנד האָט עס זיך אַריבערגעטראָגן קיין רוסלאַנד און פון דאָרט קיין פּוילן. איצט אַלאַרמירט מען פון אונגאַרן אַז עס קאָכט זיך עפּעס קעגן יידן, און ווער ווייסט צי וועט דאָס אַלץ זיך נישט אַ מאָל ווידער אומקערן קיין פּוילן.

עס איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, אַז יעדן קומט אין קאָפּ אַרײַן די פראַגע: און ווי אַזוי דאַרף מען דאָ האַנדלען? צי איז גערעכט דאָס שלאָגן און פאַרוווּנדן יידן?, אָדער אפשר איז דאָס נישט יושרדיק און ברענגט נישט קיין שום נוצן? אפשר וואָלט געווען ריכטיק אַנדערש צו האַנדלען?

די פראַגע איז זייער וויכטיק. דער הויפּט איז זי וויכטיק פאַר די אַרבעטער, וועלכע שטייען אויף קעגן זייערע עוולות, און צוליב דעם איז זיי דאָך נישט דערלויבט אַנדערע צו בעוולהן. זיי פאָדערן יושר פאַר זיך, איז דאָך ממילא אַ דורכויס נייטיקע זאַך, זיי זאָלן לגבי אַנדערע זײַן יושרדיק.

מיר איבערחזרן נאָך אַ מאָל: די פראַגע איז פאַר יעדן קלוגן און ערלעכן אַרבעטער זייער וויכטיק. יעדער איינער דאַרף זיך איבער דעם פאַרטראַכטן און געבן זיך אויף דעם אַ ריכטיקן ענטפער: וואָס קענען מיר באַקומען פון דעם שלאָגן און ראַבירן יידן?

כדי צו געבן אויף דער פראַגע אַ געהעריקן ענטפער, שטעלן מיר זיך פאָר אויף אַ ווײַל אַז אין פּוילן איז שוין נישט פאַראַן קיין יידן, אַז זיי האָבן זיך אַלע ווי איינער אַרויסגעטראָגן קיין פּאַלעסטינע אָדער אַמעריקע, און אין דעם לאַנד זענען געבליבן בלויז קריסטן. נו, ווי דענקט איר, וואָס וועט דעמאָלט זיין? צי דעמאָלט, אויב די ערד וועט אַרויסגעבן אַ צו קליינעם גערעטעניש פאַר דעם פּויער, אָדער מען לייגט אויף אים אַרויף העכערע שטײַערן, אָדער מען נעמט אים צו דעם זון צו מיליטער־דינסט, צי וועט ער דעמאָלט נישט מוזן פּונקט ווי פריִער באָרגן זיך געלט?

ווײַטער — דער האַנטווערקער: צי וועט ער נישט מוזן, ווען עס וועט אים אויספעלן קונים, פאַרקויפן זײַן סחורה פאַר גראָשנס, פּונקט ווי ער האָט זי פריִער פאַרקויפט צו יידן? און צום סוף, ווען מיר וועלן אַרויסטרײַבן די יידן, וועלן דען די קריסטלעכע אויפקויפער נישט אָפּנאַרן? צו נאַרן זיי דען נישט אָפּ איצט, פּונקט ווי די יידן? צי ווען עס וועט נישט זײַן קיין יידן, וועלן די קריסטן, אויסנוצנדיק דאָס וואָס יענער נייטיקט זיך אין געלט, נישט הייסן זיך צאָלן וווּכערישן פּראָצענט פון די הלוואות? זיי טוען עס דאָך שוין אויך איצט.

צי וועט דאָס לעבן פון די אַרבעטער, נאָכן אַרויסטרײַבן די יידן זײַן בעסער באַזאָרגט? צי וועלן דורך דעם ווערן פאַרקלענערט די שטײַערן, צי וועט אויפהערן דאָס כאַפּן צו די זעלנער, צי וועט אונדז צוקומען מער פרײַהייט?

אויף די אַלע פראַגעס איז, פאַרטראַכטנדיק זיך אַ ביסל, נישט שווער צו געפינען אַן ענטפער. יעדער קען לײַכט פאַרשטיין אַז אַזוי גוט מיט די יידן ווי אָן די יידן וועט דער פּויער מוזן אָנקומען נאָך הלוואות, וואָרעם נישט די יידן זענען דאָך שולדיק אין דעם וואָס ער האָט צו ווייניק ערד, דאָס זעלבע מיט דעם האַנטווערקער: אומאָפּהענגיק פון דעם צי ער וועט האָבן געשעפטן מיט אָדער אָן יידן, וועט ער אַלץ מוזן פאַרקויפן זײַנע אויסאַרבעטונגען פאַר יעדן פּרײַז, ווײַל די גרויסע פאַבריקן רויִנירן אים. זיי אַרבעטן אויס די זעלבע אַרטיקלען וואָס ער פאַר פיל ביליקער. דאָס זעלבע איז מיט אַרבעטער — אויך אָן יידן וועט ער מוזן אַרבעטן איבער זײַנע כּוחות פאַר אַ נישטיקער באַלוינונג, ווײַל ער פאַרמאָגט נישט קיין אייגענע פּראָדוציר־מיטלען צו דער אַרבעט, ווײַל ער מוז אַרבעטן פאַר יענעם, ווײַל ער מוז זיך פאַרקויפן.

מיט איין וואָרט: דאָס לעבן פון אַרבעטער נאָך דעם אַרויסטרײַבן די יידן וועט זיך נישט פאַרבעסערן — ער וועט נישט זײַן בעסער באַזאָרגט אָדער פרײַער ווי ביז הײַנט, די שטײַערן וועלן נישט זײַן קלענער, דאָס כאַפּן צום מיליטער וועט נישט אויפהערן, דעם פּויער וועט קיין ערד נישט צוקומען, די ירידה פון האַנטווערקער־שטאַנד וואָלט נישט געוואָרן אײַנגעהאַלטן. אַלץ וואָלט געבליבן אַזוי ווי ביז איצט, מיט דעם אונטערשיד וואָס אָנשטאָט וווּכערערס און אָפּקויפערס פון יידישן שטאַם, וועלן מיר האָבן וווּכערערס און שווינדלערס קריסטלעכע. אָבער פון דעם וועט ווייניק

וואָס וועמען אַרויסקומען גוטס, וואָרעם אַ וווּכערער, אַלץ איינס פון וועלכן אָפּשטאַם, אַלץ איינס פון וועלכן גלויבן, וועט אייביק זײַן אַ פּיאַווקע, וואָס נאָגט אויס דאָס בלוט פון אַרבעטנדיקן קלאַס.

דער יעניקער וואָס וויל עס נאָך אַלץ נישט פאַרשטיין, זאָל פאַרגלײַכן מיט אונדזער פוילן די לענדער אין וועלכע עס איז נישט פאַראַן קיין ייִדן אָדער זיי זענען דאָ אין גאָר אַ קליינער צאָל. צי מיינט איר אַז אין איטאַליע, וווּ עס איז פאַראַן אַ ייִד קוים אויף אַ רפואה, איז דעם אַרבעטער אָדער האַנטווערקער גרינגער דאָס לעבן ווי בײַ אונדז? אָדער אַ שטייגער אין אירלאַנד, וווּ עס איז לגמרי נישטאָ קיין ייִדן, צי האָט דער פויער ווייניקער אויסצושטיין נויט און דיסקרימינאַציע ווי בײַ אונדז אין לאַנד? לחלוטין נישט! עס טוט זיך דאָרט דאָס זעלבע ווי בײַ אונדז און ווייסט איר פאַר וואָס?

דאָס איז דערפאַר, ווײַל דאָס לעבן איז אונדז שווער און ביטער נישט דערפאַר ווײַל אונדז דריקט אָדער נאַרט אָפּ דער אָדער יענער מענטש — אַ ייִד, אַ דײַטש, אַ רוס צי אַן אייגענער, נאָר דערפאַר ווײַל די גאַנצע הײַנטיקע אָרדענונג, און די אָרדענונג איז אומעטום איינע און די זעלבע, אַזוי גוט בײַ אונדז אין פוילן וווּ עס זענען פאַראַן אַ סך ייִדן, ווי אין אירלאַנד וווּ זיי זענען לגמרי נישט פאַראַן.

און דעריבער — ווער עס וויל אַז עס זאָל די מענטשן באמת זײַן בעסער אויף דער וועלט, דער וואָס וויל זיך און די אַנדערע, וואָס לײַדן הײַנט נויט — פאַקטיש לײַכטער מאַכן דאָס לעבן, דער טאָר נישט די ייִדן הרגענען און ראַבירן, נאָר ער מוז זיך באַמיִען די גאַנצע הײַנטיקע אָרדענונג ענדערן.

אַזוי טאַקע דאַרפן טאָן די אַרבעטער וועלכע באַשיצן זייער כבוד און פאַרשטייען גוט זייערע אינטערעסן. אַזוי דאַרפן האַנדלען אַרבעטער־סאָציאַליסטן. פאַר זיי איז אַלץ איינס צי זייער „האַר" הייסט יצחק מאָשקאָוויטש, צי גאָטליב, שולץ אָדער ציגיעלסקי — זיי ווילן קיין שום האַרן נישט און גענוג! דעריבער — דער וואָס פאַרשטייט דאָס דאַרף זיך און אַנדערע זאָגן: „אונדזער אַרבעט און כּוח איז אַ שאָד צו פאַרווענדן קעגן ייִדן, צעשלאָגן עטלעכע אָדער עטלעכע הונדערט אָרעמע ייִדן, אַזוי ווי עס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע, דאָס איז קיין שום פאַרדינסט נישט און עס איז אויך נישט קיין גרויסע חכמה אונטערצוצינדן יישובים, מאָרדן אומבאַוואָפנטע, אויסברענען קינדער די אויגן, אָדער פאַרגוואַלטיקן מיידלעך, אַזוי ווי אין באַלטע (דרום־רוסלאַנד). דאָס איז אַ חרפה און אַ בושה פאַר דעם אַרבעטער־שטאַנד!

מיר זאָגן נאָך אַ מאָל: דאָס אַלץ איז נישט קיין פאַרדינסט און קיין חכמה — פאַרקערט, דאָס איז אַ חרפה און אַ בושה. דאָס אַלץ ברענגט נישט קיין שום נוצן און קאָן נישט געבן גאָרנישט, נישט בלויז דעם אַרבעטער־קלאַס, נאָר אויך נישט קיין שום ערלעכן מענטש. עס געניסן פון דעם אייגענע, אָבער וואָס פאַר אַ אייגענע? אייגענע וווּכערערס און אָפּנאַרערס, וואָס זענען פונקט אַזוי גוט אונדזערע שונאים, ווי די ייִדישע אויסנוצערס.

דעריבער ברידער, די ייִדן־העצע איז נישט אונדזער זאַך, לאָמיר נישט נעמען אין איר קיין אָנטייל, לאָמיר געבן צו פאַרשטיין אַנדערע, זיי זאָלן זיך אין דעם נישט מישן — לאָמיר שפּײַען אויף די וואָס ווילן אונדז מיט זייער וואָרט און שריפט אײַנרעדן, אַז מיר זאָלן זיך אַליין צו שאַנד מאַכן, אַז מיר זאָלן מאַכן צו שאַנד דעם אַרבעטער־שטאַנד, אַז מיר זאָלן שענדן די הייליקע אַרבעטער־זאַך! זאָלן מיר שפּײַען אויף די אונטערהעצערס און זיי אָפּשטויסן מיט עקל!

אונדז גייט וועגן אַ וויכטיקערע פראַגע, מיר האָבן אײַנצואָרדנען אַ נײַע געזעלשאַפט, אונדז גייט וועגן דעם אַז אַלע פּראָדוצירמיטלען (פאַבריקן, וואַרשטאַטן, ערד אד"גל) זאָלן איבערגיין ווי אַ געמיינזאַם אייגנטום צו די אַרבעטנדיקע, עס גייט אונדז וועגן אײַנפירן אין דער געזעלשאַפט יושר, ברידערלעכקייט און גלײַכהייט.

עס איז אַ לאַנגע און שווערע אַרבעט ביזן דערגרייכן די צילן — מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון דערפון. און דעריבער דאַרפן מיר זיך היטן פון לאָזן זיך אַרײַננאַרן אין אַ וועלכער ס'זאָל נישט זײַן „העצע". די ייִדן־העצע קאָן בלויז אָפּווענדן אונדזערע אויגן פון די ריכטיקע צילן פון דעם אַרבעטער־קלאַס, זיי זענען נאָר אַ פּולאַפּקע פאַר אונדזער אומבאַרעכנטקייט, אַ פּולאַפּקע וואָס איז אָנגעשטעלט געוואָרן דורך אונדזערע שונאים! אונדז גייט נישט וועגן דעם אַז מען זאָל פּטור ווערן פון די ייִדן, מיר ווילן דאָס אָפּנאַרערײַ און אויסנוצערײַ פון אַ ברודער צו אַ ברודער, פון אַ מענטש דורך אַ מענטש, פון דער וועלט אויסראָטן — עס איז שוין איצט נישט מער קיין צײַט פון קאַמף קעגן מענטשן פון אַנדערע גלויבנס — איצט וויקלט אומעטום אויף דער אַרבעטער־קלאַס אַנדערע פענער, אַן אַנדערן קאַמף הייבן זיי אויף — אַ קאַמף פאַר פרײַהייט, וועגן גליק פאַר אַלע — אָבער דאָס פאַר אַלע מענטשן אָן אונטערשיד פון גלויבן, נאַציע אָדער געשלעכט.

די פּוילישע אַרבעטער וועלן נישט בלײַבן הינטערשטעליק לגבי זייערע ברידער פון דער גאַנצער וועלט. אדרבא, זיי וועלן מיט ערע און געהעריקן פאַרשטיין זייערע אינטערעסן, אויף די געשרײַען „הוזשאַ נאַ זשידאָוו" — ענטפערן: נידער מיט די אונטערדריקערס און אויסנוצערס אָן אונטערשיד צו וואָס פאַר אַ פאָלק אָדער גלויבן זיי זאָלן נישט געהערן, און קודם־כל נידער מיט די אייגענע אויסנוצערס!

מיר ברענגען דאָ שטעלן פון אַ יידישער בראָשור וואָס איז דערשינען צום ערשטן מיי 1896, קנאַפּע אָנדערהאַלבן יאָר פאַר דער גרינדונג פון „בונד“, אַרויסגעגעבן דורך דער „סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין פּוילן“ (סדק׳פּ), די פאָרגייערין פון דער שפּעטערדיקער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן, היינט פּוילישע אַרבעטער-פּאַרטיי. אַזוי ווי עס האַנדלט זיך וועגן איינעם פון די ערשטע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע-דאָקומענטן אין יידיש, אַרויסגעגעבן אין וואַרשע, דרוקן מיר די ווייטערדיקע שטעלן אין דעם אָריגינעלן אויסלייג. די בראָשור הייסט „גוט יום-טוב“.

ב.

גוט יום-טוב

אין אָנהייב פון דער בראָשור ווערט דערקלערט אַז אין היפּך צו אַנדערע ימים־טובים איז דער 1טער מײַ אַ יום־טוב בלויז פאַרן אַרבעטער. אָבער ווער זענען אַרבעטער? „דאָס איז דער טהייל מענשין, וועלכע פאַרברענגט זײַן גאַנצעם לעבין אין שווערע האָראָוואַניע, דאָס איז דער טהייל מענשין, וואָס לעבט אונטער דעם יאָך פון הינגער און נויט, דחקות אונ קעלט, וואָס האָט קיין רוה, וואָס האָט קיין מאָל קיין פרײַהייט, וואָס האָט נור איין רעכט; דאָס רעכט צו ליגען אין דער ערד גלײַך מיט אַלעמען!” ווײַטער דערקלערט די בראָשור אַז הגם פון אייביק אָן האָבן די אַרבעטער געלעבט אין דחקות און נויט, זענען אָבער די אויגן פון די אַרבעטער געוואָרן געעפנט ערשט איצט מיט דעם אַנטשטיין פון גרויסע פאַבריקן. דאָרט האָט דער אַרבעטער „דערזענ אַז נישט ער אַלליינ איז דאָס שלימזל, אַז לעבינ איהם איז פאַרהאַנדנ נאָך אַזעלכע שלימזלס. אָבער וויא קומט דאָס, אַז אַזוי פיעל מענשין זאָלין זײַנ שלימזלס? אויב מיר איז נישט גוט, ווײַל איך בינ קיין מענש, ווײַל איך בינ געשטראָפט פונ גאָטט, וואָס איז דאָס מיט די אַללע וואָס זענינ מיט מיר צוזאַממענ אויך אַזוי? איז דענ צווישנ די אַללע נישטאָ קיין מענשין? ניינ! דאָס איז נישט אַזוי, דאָ מוסס עפּיס זיינ אַגרונד. . . „דער אַרבעטער האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין זײַן לאַגע, אַז: „. . . מיר האָבין נור איינ זאַך — אונזערע צענ פינגער. אונ אַז מיר ווילענ עססינ, מוזינ מיר גייענ פאַרקויפינ, פאַרדינגענ אונזערע הענד, אונזערע פיס, אונזער קראַפט, אונזער לעבין. אָבער פאַרקויפינ אונזער קראַפט, — צוליעב וואָס זאָל מען דאָס בײַ אונז קויפין? צוליעב וואָס קויפט דער פאַבריקאַנט דיא קראַפט פונ טויזענטער אַרבײַטער, וואָס טוהנ בײַ איהם אינ פאַבריק? אויף וואָס דאַרף ער זיי? אום אויף זיי צו קוקענ? אָדער אוים רחמנות, טו וואָס דאַרף ער זיי זאָלין אַרבייטענ בײַ איהם? בײַ זײַנע מאַשינעס? זאָל ער זיי געבינ דיא מאַשינעס און זיי וועלין אַרבײַטענ פאַר זיך אונ איהם וועט נישט דאַרפינ דרייענ דעם קאָפּף פאַר זיי. יאָ! אָבער וואָס וועט ער אַלליין טאָהנ? פון וואַנענ וועט ער נעמינ דיא גומינע רעדער, דיא טײַערע ווײַנענ, דיא גרויסע הײַזער, דיא אַללע, אַללע רחבות אין וואָס ער לעבט? ווער וועט דאָס באַשאַפינ? . . .”

דעריבער זענען די אַרבעטער געקומען צום אויספיר „. . . אַז זיי מוזינ זיך האַלטינ אַללע צוזאַממענ, אַז זיי מוזינ דיא ערסטע זאַכע! אחדות! אום צו קענינ זיך העלפינ צו זייערע צרות. דאָס ערסטע מיטטעל, צו וועלכין זיי זענינ געקומענ — אחדות צווישענ דיא אַרבײַטער — אַללע אַרבײַטער מוזענ זיך פאַראייניגען, אַללע אַרבײַטער מוזענ זיך אָרגאַניזירענ צוליעב דעם, אַז מענ זאָל זיך נישט פאַריאָגינ יעדין באַזונדער, צוליעב דעם, אַז מענ זאָל זיך נישט אויסלאַכינ פון זייערע פאָדערונגען, צוליב דעם, אַז דער אַנדערער טהייל פונ דיאַ מענשינ, וויא מיר האָבינ געזעהנ — דיא קאַפּיטאַליסטינ זאָלינ זיך רעכנינ מיט דיא אַרבײַטער וויא מענשינ, וואָס האָבינ איין קראַפט, וויא מיט איינ כח וואָס קענ זיך האַלטינ, ווענ זיי זענינ אַללע צוזאַממענ, אחדות און אָרגאַניזאַציע, דאָס הייסט יעדער פיר אַללע און אַללע פיר יעדערינ, אָט דאָס איז דער איינציקער מיטטעל, צו וועלכינ דיא אַרבײַטער זענינ גיקימענ. . .”

די בראָשור שילדערט ווײַטער דעם תהום וואָס איז פאַראַן צווישן די פאַבריקאַנטן, בעלי־בתים און די אַרבעטער, און זייערע קעגנגעזעצטע קלאַסן־אינטערעסן: נאָך דעם ווי די בראָשור שטעלט זיך אָפּ באריכות און רעדט אַרום די דערגרייכטע רעזולטאַטן, וואָס די אַרבעטער אין מערב־אייראָפּע האָבן צו פאַרצייכענען אַ דאַנק דעם לאַנגן, שווערן קאַמף וואָס זיי האָבן געפירט אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן, רופן די מחברים פון דער בראָשור אויס: „. . . טו, לאָמיר זיך ברידער אונ שוועסטער, אידינ און קריסטינ פונ טיראַנישענ רוסלאַנד, לאָמיר זיך אויך נעמינ צום שטרײַט מיט דיא זעלביקע גיוועהר אינ דער האַנד, לאָמיר גידענקינ, אַז מיר קענינ זיך דערשלאָגינ איינ גרינגערינ לעבינ, צו אַ ביסעלע פרײַהייט, צו מענשליכע רעכט, לאָמיר האָבינ פאַר דיא אויגינ דעם בײַשפּיל פונ אונזערע אויסלענדישע ברידער אונ שוועסטער, לאָמיר דיא אַללע, וואָס זענענ שאָנ איצט צוזאַממענ, וואָס ווייסינ שאָן פון אַחדות אונ אָרגאַניזאַציע, לאָמיר אויסדריקינ אונזערע אויסלענדישע ברידער אונ שוועסטער אונזערע איינִיקייט מיט זייא, לאָמיר מאַכינ אויך בײַ זיך דעם יום־טוב פונ ערסטינ מאַי. . .”

צום סוף פון דער בראָשור קומט אַ ליד, געשריבן דורך אַן אַרבעטער:

„נור אללע צוזאַממענ, ברידער אונ שוועסטער,
נור אללע צוזאַממענ אַרויס פונ דיא נעסטער,
הייבט אויף נור די פאָנע פונ איינ פרײַערינ לעבינ,
האַלט שטרײַט אום צו נעמינ, אַליינ וועט מענ נישט
געבינ אא"וו

דאָס ליד ענדיקט זיך אַזוי:

„איינ פרײַערינ לעבינ דאַרפינ מיר זיך דערשלאָגינ,
אונזער פײַנד מוזינ מיר פאַריאָגינ,
מיר מוזינ צוברעכינ אונ אונזער נייטינ,
מיר מוזינ צוברעכינ דיא שווערע קייטינ.
מיר ווילינ, מיר דאַרפינ, מיר קענענ זײַנ פרײַא,
גוט יום־טוב, גוט יום־טוב צום ערסטין מײַיי“.

ס׳איז כדי צו באַמערקן אַז אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין „ספּראַוואַ ראָבאָטניטשאַ” (צום 1טן מײַ 1896) ווערט איבערגעגעבן וועגן דער באַטייליקונג פון אַרום 60 יידישע אַרבעטער אין די ערשטע מײַ־פייערונגען.

ארויסגענומען פון אַ גרעסערער פאָרש־אַרבעט פון אפרים קופּפער.

„בלעטער פאַר געשיכטע” פערטליאָר שריפט, באַנד 7, העפט 1.

9טער אַפּריל 1954, וואַרשע.

בראָניסלאַוו גראָסער

אויטאָביאָגראַפיע

אין אַ געוויסן מאָמענט פון מיין לעבן האָב איך געזאָגט צו זיך אליין: דו וועסט אַרבעטן אין דער יידישער אָרגאַניזאַציע.

ווי אַזוי איז דאָס געשען? פאַר וואָס איז דאָס געשען? וואָס האָט מיך דערצו באַוואויגן און צוליב וואָס האָב איך דאָס געטון?

ס'פאַרשטייט זיך: די דערקלערונג וועלכע איך גיב דאָ איז אַ שפּעטערדיקע, נאָך דעם ווי ס'איז אַריבער אַ ריי יאָרן. ס'קאָן זיין, איצט געדענק איך שוין נישט אַזוי גענוי סיי די אויסערלעכע אומשטאַנדן סיי מיינע אייגענע איבערלעבונגען; ס'קאָן זיין, אייניקע אָנשויאונגען און געפילן, וועלכע איך שפּיר אין זיך שוין לאַנג, זענען ביי מיר אַנטשטאַנען שפּעטער איידער מיר דוכט זיך איצט. קורץ, די געוויינלעכע שוועריקייטן פון יעדער היסטאָרישער באַטראַכטונג: פון איין זייט, „פליט מינערוואַס סאָווע אַרויס גאָר ביי נאַכט”, מ'מוז זיך דערווייטערן אויף אַ געוויסן מהלך כדי צו זען אַלע טיילן פונעם בילד, אָבער פון דער אַנדער זייט, ווען די צייט פאַרגייט, מעקט זיך זייער פיל אויס. קודם כל איז שווער זיך פאָרצושטעלן אַז דאָס וואָס זעט היינט אויס קלאָר און איינפאַך האָט נעכטן געמאַכט אַן איינדרוק פון פאַרפּלאָנטערט און נישט קלאָר. דעריבער נעמען מיר געדאַנקען און איבערלעבונגען וואָס זענען שפּעטער און טראָגן זיי אַריבער אין אַ פריערדיקער צייט. די געשיכטע פון אַלטן גריכנלאַנד מוז — אָפּהענגיק פון דער באַאַרבונג און באַלייכטונג — דערקלערט ווערן דורך דער שטימונג פונעם היינטיקן פראַנצויז, אָדער ענגלענדער, וואָס האָט די דאָזיקע געשיכטע געשריבן. דאָס זעלבע, נאָר נאָך בולטער און שאַרפער, קומט פאָר אויך בשעת מ'באַטראַכט די געשיכטע פונעם אייגענעם לעבן. דעריבער מוז מען דערביי באַזונדער אויפמערקזאַם היטן אַז די פאַקטן זאָלן וואָס גענויער איבערגעגעבן ווערן.

איך בין געבוירן געוואָרן אין מיעכאָוו, אַ קליין שטעטל פון קעלצער גובערניע, אויף דעם קראָקעווער טראַקט. מיינע עלטערן האָבן דאָרט פיל יאָרן געוואוינט און זענען פון דאָרט אַוועקגעפאָרן ווען איך בין, דוכט זיך, אַלט געווען 5 יאָר. דאָס הויז פון מיינע עלטערן איז געווען אין גאַנצן פאַרפּויליִשט. זיי האָבן געהערט צו די אינטעליגענטע קרייזן און האָבן נישט געהאַט קיין שום שייכות צו אמונה־פראַגעס. דעריבער האָב איך אין די ערשטע יאָרן פון קינדהייט נישט באַמערקט אין דער וועלט וואָס האָט מיך אַרומגערינגלט קיין שום זאַך וואָס זאָל דערמאָנען וואָסער נישט איז שייכות צו יידן...

...מיין פאָטער איז געווען דער פּאָפּולערסטער אַדוואָקאַט אין יענער געגנט. ער פלעגט פיל פאַרדינען, איז געווען געשעצט אין שטעטל און האָט געהאַט אַ מגע־ומשא נאָר מיט קריסטן. אינעם הויז פון מיינע עלטערן פלעגט פאַרקערן די גאַנצע אָרטיקע „סמעטענע”, די קסיאָנדזן אויך. איך דערמאָן מיך אַז ווען איך פלעג זיך שפּילן אינעם שטאָטגערטל ביים קלויסטער, פלעג איך זיך גריסן מיט די קסיאָנדזן ווי מיט גוטע באַקאַנטע. איך פלעג גיין מיט דער דינסט אין קלויסטער (ס'איז מסתמא געווען איר אייגענער אויפטו), און איך האָב גאָרנישט געוואוסט אַז איך האָב אַ שייכות צו יידן. אגב ,האָב איך וועגן דעם נישט געוואוסט אויך שפּעטער, אויב מיין זכרון נאַרט מיך נישט, נאָך פיל יאָרן אין וואַרשע. איך געדענק איין בולטן פאַקט: איך האָב דעמאָלט געקענט אַלט זיין אַ יאָר 8.

איך בין געפאָרן מיט מיין מוטער און מיט דער שוועסטער בעלאַ אין טראַמוויי, אויף לעשנאָ. אויף דעם בענקל וואו מיר זענען געזעסן האָט זיך געזעצט עפּעס אַ ייד. איך האָב אַ וואָרט נישט געזאָגט, בין אויפגעשטאַנען און האָב זיך געזעצט אויף אַן אַנדער באַנק. איך האָב דאָס געטאָן עפּעס ווי פון אַ מין עקל, דעמאָנסטראַטיוו. פאַר וואָס איז דאָס געבליבן אין מיין זכרון? אפשר האָט זיך איינגעפרעסט אין אים דאָס עגמת־נפש פון מיין מוטער, וואָס דאָס האָט מיך דעמאָלט געוואונדערט און געצוואונגען צו געדענקען עס? ווי איך פאַרשטיי היינט, האָט מיין מוטער זיך מצער געווען נאָר מחמת איר דעמאָקראַטישן אינסטינקט. אפשר איז מיין מאָרך דורכגענומען געוואָרן דורך דעם אויסדרוק פון דעם דאָזיקן יידנס אויגן, זיין אומענדלעך טרויעריקן בליק? איצט טראַכט איך אַ מאָל: צי האָט ער טאַקע אַזוי אַ קוק געטון, אָדער דאָס דוכט זיך מיר נאָר איצט? דערויף קען איך באַשטימט נישט ענטפערן. אָבער דער פאַקט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מיין דעמאָלטיקער שטימונג. איך רעכן נישט אַז די יידישע אָפּשטאַמונג פון מיין שכן איז דאָ געווען די סיבה. מיך האָט גיכער אָפּגעשטויסן דער שמוץ. אָבער פויערים האָבן מיך נישט אָפּגעשטויסן, פון זיי וואָלט איך מיך נישט אָפּגערוקט. דאָ האָט געשפּילט אַ ראָלע דאָס באַוואוסטזיין פון פולקומער פרעמדקייט.

עס איז מיר גאָר נישט איינגעפאַלן אַז צווישן מיר און אָט דעם מענטשן איז פאַראַן, אָדער עס קען זיין, עפּעס אַ שייכות. דוכט זיך, איך בין דערפון געוואויר געוואָרן פאַר די עקזאַמענעס אין „פּריגאָטאָוויטעלנעם” קלאַס גימנאַזיע. איך האָב געזאָלט האַלטן אַ „קאָנקורס־עקזאַמען”. צום ערשטן מאָל האָב איך דערהערט אַז פאַר מיר זענען דאָ עפּעס באַזונדערע רעכט, ווייל איך בין אַ ייד. איך געדענק מיין אומבאַשרייבלעך דערשטוינען בעת איך האָב זיך וועגן דעם דערוואוסט. מער וועגן יענער צייט געדענק איך נישט.

דאָס אָנקומען אין גימנאַזיע האָט בכלל באַשאַפן אין מיין לעבן אַ גאַנצע עפּאָכע. דאָס איז געווען אַ קריטישער מאָמענט אויך אויפן געביט פון די געפילן וועלכע איך באַשרייב דאָ. פון דער ערשטער רגע אָן האָב איך זיך דערוואוסט און האָב דערפילט אַז איך בין אַ ייד. איך בין נישט געגאַנגען אויף די שטונדן פון קאַטוילישער רעליגיע. איך האָב געלערנט יידישע רעליגיע. פאַקטיש איז דאָס דער איינציקער אונטערשיד צווישן מיר און מיינע חברים, אָבער אַחוץ מיר זענען אין קלאַס געווען נאָך אַנדערע יידן. אין דער דריטער גימנאַזיע, וועלכע איך האָב געענדיקט, זענען קיין רוסן נישט געווען. ס'זענען געווען צוויי קאַטעגאָריעס: פּאָליאַקן און יידן. איך האָב באַלד דערפילט אַז דאָס זענען צוויי קאַטעגאָריעס: דאָס הייפל חברים יידן האָט זיך געהאַלטן אַזוי ווי צוזאַמען און אַ ביסל אָפּגעזונדערט. איבעריקנס, איינהייטלעך איז דאָס הייפל נישט געווען. פון איין זייט איז געשטאַנען, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אַ רוסישער ייד — איזגור. דעם צענטער האָבן געבילדעט ענדעלמאַן, דאַטינער, האַלפּערן און אַנדערע. פון דער אַנדערער זייט האָבן זיך געפונען איך און קאַזימיר נאַטאַנסאָנס זון ,יוליאַן. מיר ביידע האָבן זיך געהאַלטן ווייט פון דער יידישער גרופּקע, האָבן געלעבט נאָר מיט די פּאָליאַקן. אין וואָס האָט זיך אויסגעדריקט די אָפּגעזונדערטקייט פון דער יידישער גרופּקע? אפשר אין דעם וואָס זיי האָבן מער געקלעפּט צו אַנאַנד. אָבער גראָד די דאָזיקע אָפּגעזונדערטקייט פלעגט זיך אַרויסווייזן ווען ס'פלעגן קומען שטורמישע מינוטן.

בעת ס'פלעגט זיך צווישן די יינגלעך טרעפן אַ סכסוך, אַ קריג, אַ געשלעג, — פלעגט זיך אַרויסווייזן די אָפּגעזונדערטקייט פון דער יידישער גרופּקע. אינעם שטרייט, אינעם צאָרן, אין דער אויפרעגונג פלעגט זיך אין די קינדערשע נשמות אַנטפּלעקן דער איינגעוואָרצלטער קוק אויף יידן, ווי אויף עפּעס באַזונדערס, ערגערס, מינדערווערטיקס. די ווערטער „ייד" ווי אַ זידלוואָרט, עפּטער „זשיד", „שייגעץ" — פלעגן זיך גאַנץ אָפט לאָזן הערן אין קלאַס. דאָס איז אפשר געווען די ערשטע דערפאַרונג וועלכע האָט מיר אַריינגעגעבן דעם געדאַנק אַז איך געהער צו אַ באַזונדערן קלאַס מענטשן, נישט נאָר פון שטאַנדפּונקט פונעם געזעץ, נאָר אויך לויט די אָנשויאונגען פון די וואָס רינגלען מיך אַרום. איבעריקנס האָט אין מיר אַזאַ געפיל געקענט אַנטשטיין נאָר אומדירעקט. דירעקט האָט מען מיך געשוינט.

אויף מיין וועג האָט זיך דעמאָלט צום ערשטן מאָל געשטעלט די פאָרמולע וועלכע איך האָב שפּעטער אַזוי פיל מאָל געהערט: דו ביסט אייגנטלעך נישט קיין ייד, דו ביסט אַן אַנדערער — די פאָרמולע, וועלכע מ'זאָגט אַרויס מיט דעם בעסטן מיין און וועלכע האָט אין זיך אַזוי פיל באַליידיקנדיקס; די פאָרמולע אין וועלכער עס שפּיגלט זיך ספּעציפיש שאַרף אָפּ די טראַגעדיע פון דער יידישער אָפּשטאַמונג. און אפשר האָט זי מיר דעמאָלט געגעבן אַ געוויסע באַפרידיקונג. נישט נאָר אַ באַפרידיקונג. מיר דוכט זיך, איך האָב שוין דעמאָלט געפילט ווי ביטער עס איז צו געהערן צו אַ גרופּע מענטשן, וואָס דאָס האַלטן זיך אָפּגעזונדערט פון איר רעכנט מען פאַר אַ מעלה. נאָר פון דעסט וועגן בין איך צופרידן געווען דערמיט וואָס איך בין פאַרט „אַן אַנדערער", אַ באַזונדערער, אַן „אויסגענומענער". איך געדענק ווי איך האָב אַ מאָל געשמועסט מיט נאַטאַנסאָנען וועגן דעם אין וואָס עס באַשטייט אונדזער „יידישקייט", און מיר האָבן נישט געקאָנט געפינען קיין ענטפער. „ביי אונדז אין הויז איז אַלץ אַזוי ווי אין אַנדערע הייזער". מיר פלעגן דערציילן איינער דעם צווייטן: „איך זאָג „פאָטער אונדזער" — פלעגט מיט אַ שטיקל באַרימעריי זאָגן נאַטאַנסאָן. „איך דאַוון נישט — האָב איך געענטפערט — אָבער איך קאָן נאָר די דאָזיקע תפילה". מיר זענען דעמאָלט געווען אין ערשטן קלאַס, אויב דער זכרון נאַרט מיך נישט.

און אַז איך בין געווען אין צווייטן קלאַס איז מיט מיר געשען אַ מעשה וואָס האָט געמאַכט אַ גרויסן טומל, און וועלכע מיינע „פּאָליטישע" קעגנער האָבן במשך פון יאָרן דערציילט אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען. נאַטירלעך, איז אין גימנאַזיע געווען פאַרבאָטן צו רעדן אויף פויליש. דערפאַר איז געקומען אַ שטרענגע שטראָף. און נאַטירלעך האָבן מיר גערעדט נאָר אויף פויליש. אַנדערש האָט נישט געקאָנט זיין. דער פאַרבאָט האָט געהאַט נאָר איין רעזולטאַט: מיר האָבן זיך באַמיט צו טאָן דאָס בשתיקה. דער פאַרבאָט האָט גורם געווען אַז מיר זענען זיך געוואָרן באַוואוסט אַז מיר רעדן אויף פויליש. די שטראָפן פלעגן דערוועקן פליכטגעפיל, סאָלידאַריטעט, עקשנות און דאָרשט נאָך נקמה. אויף פויליש האָבן גערעדט אַלע, דאָס הייסט רוסישע יידן אויך. נאַטירלעך האָב איך אויך גערעדט אויף פויליש. און איין מאָל האָט מיך ביי דעם „פאַרברעכן" געכאַפּט דער אינספּעקטאָר און מאַטעמאַטיק־לערער יורקעוויטש. ער האָט מיך געכאַפּט בשעת זיין לעקציע און האָט פאַרפירט מיט מיר אַ וויכוח. די פּרטים געדענק איך שוין נישט, אָבער דער מאָראַלישער זין איז באַשטאַנען אין דעם אַז ס'איז נאָך סוף כל סוף מוחל צו זיין ווען אויף פויליש רעדן פּאָליאַקן, אָבער איך, אַ ייד, קאָן אפילו נישט פאַרענטפערן זיך מיט מיין געפיל, מיט מיין געוואוינהייט. איך האָב זיך געפילט טיף באַליידיקט; איך האָב דערקלערט אַז איך בין אַ פּאָליאַק, אַזאַ ווי אַלע אַנדערע, איך האָב די זעלבע רעכט און פליכטן. נאָך אַ שעה געשפּרעך מיטן אינספּעקטאָר האָט זיך אָנגעהויבן אַ צווייטער מיטן קלאַסן־אויפזעער, דעם שכור און פאַרדאָרבער פון דער יוגנט כאָדיראָוו. דאָס געשפּרעך האָט געדויערט אַ שעה. פון די פּרטים געדענק איך נאָך דעם אָנהייב. „ווער בין איך?" האָט מיך געפרעגט כאָדיראָוו. אַ פאַרוואונדערטער, האָב איך אָנגערופן זיין נאָמען. „ניין, איך פרעג צו וועלכער נאַציע געהער איך?" „אַ רוס" — ניין „ניין, איך בין אַ רוסישער אינדיאַנער". — „דאָס קען נישט זיין". — „אָט אַזוי קען מען נישט זיין קיין פּוילישער ייד". „און אַ פּראַוואָסלאַווער אינדיאַנער קען זיין?" — האָב איך געפרעגט. — „אוודאי" — „אָט אַזוי קען מען זיין אַ פּאָליאַק — אַ ייד".

דער פּראָבלעם „רעליגיע אָדער נאַציאָנאַליטעט" האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם דאָזיקן דיאַלאָג. ס'פאַרשטייט זיך, דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן קריטיש באַטראַכטן די געדאַנקען פון אַן עלפיעריק יינגל. דער פאַקט אַליין איז דאָך סימפּטאָמאַטיש פאַר דער אַטמאָספער אין וועלכער איך בין אויסגעוואַקסן. דאָס געשפּרעך האָט זיך געפירט פאַרן גאַנצן קלאַס. די חברים האָבן זיך מיט מיר סאָלידאַריזירט. די שילער פון די עלטערע קלאַסן פלעגן קומען אויף מיר אַ קוק געבן, דער לערער פון פויליש, לאַניעווסקי, האָט בשתיקה פון דער נאַטשאַלסטוואָ געהאַלטן מיט טרערן אין די אויגן אַ רעדע צום גאַנצן קלאַס און צו מיר. די געשיכטע איז געוואָרן באַקאַנט אין שטאָט. זי האָט געהאַט אויף מיר אַ גרויסע ווירקונג. אפשר האָב איך דעמאָלט צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטאָן אַז אויף מיר, ווי אַ ייד — אַ פּאָליאַק, ליגן עפּעס באַזונדערע פליכטן. איבעריקנס, האָב איך זיי פאַרשטאַנען אין עכט־אַסימילאַטאָרישן גייסט. פון דער דאָזיקער געשיכטע אָן האָט מען אין קלאַס אָנגעהויבן צו אָנערקענען מיין אויטאָריטעט.

דרייסטע איבערצייגונגען, אָפן אַרויסגעזאָגטע פאַר דער נאַטשאַלסטוואָ, — דאָס איז אַ גרויסע מעלה אין די אויגן פון יינגלעך. די פּאָליאַקן האָבן מיך אָנגעהויבן צו באַטראַכטן גאָר אין גאַנצן ווי אַ זייעריקן. די יידן האָבן מיך נישט געטאַדלט, זיי האָבן גערן געזען אין מיר אַ בריק וואָס קאָן זיי פאַרבינדן מיט דער סביבה. אָבער דאָס וויכטיקסטע איז אפשר געווען דאָס וואָס מיין געדאַנק, פון נאַטור לאָגיש, האָט זיך נישט געקענט באַגנוגענען מיט אַ טריומף אויף אַ ווייקע. די יידישע פראַגע האָט צוגעצויגן צו זיך מיין אויפמערקזאַמקייט, איך האָב וועגן איר אָנגעהויבן צו טראַכטן, איינגעשפּאַרט און אינטענסיוו. און אפשר פון דעם מאָמענט אָן האָב איך קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן זיך מיט איר.

איך בין געווען אין פערטן קלאַס ווען איך האָב אָנגעהויבן צו לערנען העברעאיש מיט מיין פאַרשטאָרבענעם פעטער לעאָן גראָסגליק. דאָס איז געווען איינער פון די מענטשן וועלכע זענען אַליין אַרויסגעקומען פון דער יידישער מאַסע. ביז אַ יאָר 20 האָט ער געטראָגן לאַנגע קליידער. אויפן שטערן האָט ער געהאַט אַ קאַרב פון אַ שטיין וואָס מ'האָט אין אים געוואָרפן בעת אַ פּאָגראָם אין די אַכציקער יאָרן. אין דער צייט ווען איך בין אונטערגעוואַקסן איז גראָסגליק געווען פון קאָפּ ביז די פיס אַן אייראָפּייער. ער האָט געהאַט אַ סך קענטעניש וואָס ער האָט זיך אָנגעשאַפט ווי אַן אויטאָדידאַקט. ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון דער יידישער גמינע אין וואַרשע און האָט פּאַקטיש געפירט אירע ענינים. פון אַנדערע אַסימילירטע יידן האָט ער זיך פּרינציפּיעל אונטערשיידט דערמיט וואָס ער האָט סיי אויסערלעך סיי אינערלעך נישט צעריסן די בענדער וואָס האָבן אים פאַראייניקט מיטן יידנטום. געווען אַן אַסימילאַטאָר לויט זיינע איבערצייגונגען, זיכער ביי זיך אַז יידן קענען גראַטעווועט ווערן נאָר אויף דעם וועג, אָבער די יידישע מאַסע האָט ער טיף געליבט. ער האָט אָן אויפהער געזאָרגט פאַר איר, האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ וואָס האָט זיך געטאָן צווישן יידן, האָט געלעבט מיט זייער לעבן. ווי אַזוי האָט זיך דאָס געטראָפן אַז איך האָב אָנגעהויבן לערנען ביי אים העברעאיש, קען איך מיך שוין איצט נישט דערמאָנען... אַלנפאַלס איז דאָס אַ באַשטימטער באַווייז אַז דאָס יידנטום האָט אָנגעהויבן צו עקסיסטירן פאַר מיר און האָט מיך אַלץ מער אינטערעסירט. דאָס האָט זיך דעמאָלט אַרויסגעוויזן אויך אויף אַ באַזונדערן אופן.

בשעת איך בין געווען אין פינפטן קלאַס, האָט גראָסגליק געפייערט דעם פינף־און־צוואַנציק־יעריקן יובליי פון זיין טעטיקייט אין דער גמינע. אינעם טאָג פון דעם יובליי האָב איך אים געגעבן אַ מתנה. דאָס איז געווען די געשיכטע פון יידן אין פוילן, געשריבן אין פיר העפטן. איך האָב אין איר אַריינגעלייגט אַן ערך אַ האַלב יאָר אַרבעט, איך האָב איבערגעלייענט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו דעם ענין, אַלץ וואָס איך האָב ביי יענע באַדינגונגען געקענט קריגן. איין עקזעמפּלאַר, איבערגעשריבן אויף אַ מאַשין, האָב איך דורך סציפּיאָן געשיקט אויף עפּעס אַ קאָנקורס און מער האָב איך אים

שוין נישט געזען. די העפטן האָבן זיך אויך ערגעץ פאַרוואַלגערט, און איך האָב נישט דאָס איינציקע „וויסנשאַפטלעכע ווערק" וואָס איך האָב אין מיין לעבן געשאַפן. איך דערמאָן מיך גענוי אַז די לעצטע זייטן זענען געווען אַן אַפּאָלאָגיע פון סאָציאַליזם, וועלכער וועט „אַלץ לייזן", צווישן אַנדערע זאַכן אויך די „יידישע פראַגע", נאַטירלעך דורך אַסימילאַציע. דערפון מאַך איך דעם אויספיר אַז, אַריבער גייענדיק אין זעקסטן קלאַס, בין איך שוין לויט מיינע איבערצייגונגען געווען אַ פולשטענדיק באַשטימטער סאָציאַליסט, אַז איך האָב אפשר מער געפילט איידער קלאָר פאַרשטאַנען די פאַרבינדונג צווישן דער יידישער און דער סאָציאַלער פראַגע, אַז איך האָב מיך זייער אינטערעסירט מיט יידן, און אַז איך האָב פון דעסט וועגן דעם אויסוועג געזען נאָר אין אַסימילאַציע.

פון דעמאָלט אָן הייבט זיך ביי מיר אָן אַ גאַנץ גיכע אַנטוויקלונג אויף דעם געביט. איך בין געווען איינער פון די טעטיקסטע מיטגלידער אין די קרייזלעך פון דער גימנאַזיע־יוגנט. די דאָזיקע קרייזלעך זענען עד־היום נישט גענוג באַשריבן. אפשר וועל איך דאָס ווען עס איז אויספירלעכער דערציילן. דערווייל נאָר אַ פּאָר ווערטער אַלס דערקלערונג. דאָס איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע פאַר זעלבסטבילדונג. עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט שילער פונעם פינפטן קלאַס אָן. אין דער אָרגאַניזאַציע פלעגט מען אויסקלייבן און צולאָזן נאָר זייער אָנשטענדיקע און אַנטוויקלטע יינגלעך. נאַטירלעך, איז די אָרגאַניזאַציע געווען אַ געהיימע און אַ צענטראַליזירטע. מיר האָבן דאָרט שטודירט זאַכן וואָס מ'האָט נישט געלערנט אין דער שולע, אָבער קודם כל האָבן מיר זיך געלערנט צו זיין סאָלידאַריש און קאָנספּיראַטיוו. אין אָנהייב האָט זיך דער אונטערשייד אין די מיינונגען ווייניק געלאָזט פילן. בשעת איך בין אַריינגעטראָטן אין דער אָרגאַניזאַציע זענען דאָ געווען אַלע, לאָמיר זאָגן, אויף וועלכע מ'האָט זיך פּאָליצייאיש געקענט פאַרלאָזן. אַז איך האָב געהאַלטן ביי ענדיקן די גימנאַזיע, האָבן שוין עקסיסטירט צוויי אָרגאַניזאַציעס — אַן ענדעקישע און אַ „פּראָגרעסיווע". אויף אַזאַ אופן איז בשעת מיין שטודיום אין גימנאַזיע פאָרגעקומען אַן אינערלעכער קאַמף, אַ דיפערענצירונג און צעשפּאַלטונג. עס איז נישטאָ קיין ספק: „מאַנגאַ פּאַרס פוּאי" (איך בין געווען אַ גרויסער טייל, ד"ה איך האָב דאָ געשפּילט נישט די לעצטע ראָלע). איך האָב באַלד פאַרנומען איינעם פון די ערשטע פּלעצער אין דער יוגנט־באַוועגונג. פאַרשטייט זיך, איך האָב געהערט צו דער לינקסטער גרופּע. איך בין געווען פּעאיק, רעדנעריש־באַגאַבט, ענערגיש, נישט געלאָזט זיך בייגן. אינעם פּראָצעס פון דעם דאָזיקן קאַמף האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט מיינע סאָציאַליסטישע מיינונגען, איך האָב אָנגעהויבן בעסער צו אָריענטירן זיך אין דער יידן־פראַגע. אַ דעקלאַראַציע וועגן דעם האָב איך געמאַכט פּלוצלינג, אַ ביסל אומגעריכט פאַר זיך אַליין — ביי פאָלגנדיקע אומשטענדן:

ביי דעם שוין איצט פאַרשטאָרבענעם שפּיצבאַרט איז פאָרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג פון דעם אַזוי גערופענעם צענטראַלן יוגנטקרייז. די פאַרזאַמלונג איז געווען זייער אַ שטורמישע. די מערהייט איז נאָך דעמאָלט געווען ביי אונדז, ביי די „פּראָגרעסיסטן", — אָבער די קרעפטן פון ביידע טיילן זענען שוין געווען כמעט גלייך. מ'האָט געהאַלטן ביי איינשטעלן אַ נאָרמאַל־פּראָגראַם פאַר די קרייזן.

די נאַראָדאָווע דעמאָקראַטן זענען באַשטאַנען דערויף אַז די הויפּט־אויפמערקזאַמקייט זאָל געווענדט ווערן אויף די „פּוילישע" לימודים און מיר האָבן געפאָדערט גלייך־באַרעכטיקונג פאַר די סאָציאַלע וויסנשאַפטן. עמעצער פון די ענדעקישע „לידערס" האָט מאָטיווירט זייער פאָדערונג אַן ערך אַזוי: „די מיטגלידער פון די קרייזן זענען פּאָליאַקן. אַלזאָ דאַרף מען די אויפמערקזאַמקייט ווענדן דער עיקר אויף פּוילישע לימודים". אין די קרייזלעך זענען דאָ נישט בלויז פּאָליאַקן, האָט עמעצער פון אונדזערע געענטפערט: דאָרט זענען פאַראַן אויך ליטווינער, רוסן, אוקריינער, יידן". דאָס קען נישט זיין — האָבן דערקלערט די ענדעקעס, נישט־פּאָליאַקן דאַרף מען אויסשליסן. ס'איז געקומען מיין צייט צו רעדן. איך האָב געוואוסט אַז מ'האָט פאַר מיר מורא און דרך־ארץ. איך בין געווען דער רעדאַקטאָר פונעם צענטראַל־אָרגאַן „רוך" (באַוועגונג), די צענטראַל פיגור פון די ראַדיקאַלסטע. איך בין אין אַ געוויסער מאָס געווען דער עצה־געבער ביים פאַרזיצער פונעם קרייז, וואַצעק וו., געווען אַ נאָענטער פריינד סציפּיאָנס, וועמען אַלע האָבן געשעצט. איך האָב באַשלאָסן צו וואַרפן מיין אייגענע פּערזענלעכקייט אויף דער וואָגשאָל פון דער שטרייטפראַגע. „אויב אַזוי, שליסט אויס מיך, האָב איך דערקלערט, ווייל איך בין נישט קיין פּאָליאַק, איך בין אַ ייד". אַלע זענען דערשטוינט, צעמישט. פאַר די פּראָגרעסיסטן, וואָס האָבן זיך געוואַקלט, האָט מיין דעקלאַראַציע קלאָר געמאַכט די פראַגע. אויב די ענדעקישע טעאָריע האָט פּראַקטיש געפירט צום אויסשליסן מיך, איז קלאָר אַז די טעאָריע האָט געמוזט זיין פאַלש. די ענדעקעס האָבן פאַרשטאַנען אַז זייער לאַגע איז אַן אומבאַקוועמע. ס'איז געבליבן צו דערקלערן אַז איך ווער נישט אויסגעשלאָסן. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי גענומען מעלדן אַז איך מעג נאַטירלעך זאָגן וואָס איך וויל, אָבער זיי האַלטן מיך פאַר אַ פּאָליאַק, צו מיר האָט דאָס אַלץ קיין שייכות נישט. עס האָט זיך באַשאַפן, ווי איך זע איצט, אַ קוריאָזע לאַגע, די נ"ד זענען באַשטאַנען אויף מיין „פּוילישקייט",

בראָניסלאַוו גראָסער

איך האָב עקשנותדיק געטענהט אַז איך בין נישט קיין פּאָליאַק. סוף כל סוף האָט מען דעם ענין וועגן אויסשליסן די נישט פּאָליאַקן געשטעלט צו אַן אַלגעמיינער אָפּשטימונג מיט אַזאַ מין פּירוש: „גראָסערס ענין". דער נאָמען האָט געטאָן דאָס זייניקע. די דריטע גימנאַזיע, מיין דירעקטע אָרגאַניזאַציע, האָט דערקלערט: מ'קען שטעלן די פראַגע נאָר וועגן אויסשליסן פון דער צענטראַל־פאַראייניקונג די גאַנצע דריטע גימנאַזיע — זיי וועלן מיך נישט אויסשליסן. די מערהייט אָרגאַניזירטע האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אונדזער פּלאַטפאָרם. אָבער די ליידנשאַפטן האָבן זיך צעפלאַקערט, די אָפּשטימונג, דאָס ציילן די שטימען, האָבן אַרויסגערופן אַ ריי רייבונגען. צוזאַמען אַרבעטן האָט מען שוין נישט געקענט. עס איז פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג.

ביי אַזאַ לאַגע האָב איך צום ערשטן מאָל אין לעבן עפנטלעך דערקלערט אַז איך בין אַ ייד. איך בין דעמאָלט געווען, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אין זעקסטן קלאַס גימנאַזיע. איך האָב געמאַכט די דאָזיקע דערקלערונג ביי אַן אויסטערלישער סיטואַציע, און זי האָט געבראַכט צו אויסטערלישע רעזולטאַטן. דאָס איז נישט געווען קיין דעקלאַראַציע וועגן דער יידן־פראַגע, קודם כל האָט זי אָנגערירט מיך אַליין. ס'איז נישט געווען קיין רייד וועגן דעם אַז יידן דאַרפן באַקומען אַזעלכע און אַזעלכע רעכט; אָבער ס'איז אַנטשטאַנען די פראַגע צי בין איך אַ ייד. ס'האָט זיך באַשאַפן אַ סיטואַציע, וועלכע מ'וואָלט פּאַראַדאָקסאַל געקענט פאָרמולירן אַזוי: נישט איך גענים די רעכט וואָס געהערן צו יידן, יידן דאַרפן גניסן די רעכט

וואָס געהערן מיר. פון דער פראַגע וועגן מיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען איז אַנטשטאַנען אַן אָביעקט פון שטרייט.

בכלל האָבן מענטשן אַ טבע צו אַרגומענטירן מיט פערזענלעכע טעמים, צוצוגעבן אַלע פראַגעס אַ פערזענלעכן, אַ פריוואַטן כאַראַקטער. אין דעם פאַל האָב איך אַליין געגעבן זיי אַ געוויסן גרונד דערצו. ביז היינטיקן טאָג פיל איך נאָך די רעזולטאַטן דערפון. יעדער פילט זיך באַרעכטיקט אָנשטאָט צו רעדן וועגן דער יידן־פראַגע, עפנטלעך צו באַהאַנדלען מיינע פערזענלעכע ענינים. פון דער אַנדערער זייט האָט די דאָזיקע דעקלאַראַציע אויך מיך געבונדן. איך בין געוואָרן אַזוי ווי אַ פאַרקערפערטע דעמאָנסטראַציע. מיין אָפזונדערונג האָט מען צוגעגעבן אַן אַלגעמיינע באַדייטונג, איך האָב נישט געקענט זיך נישט רעכענען דערמיט, איך קאָן דאָס איצט אויך נישט.

אַלגעמיינע כללים זענען איינפאַכער איידער פערזענלעכע איבערלעבונגען. איך האָב געמוזט קינסטלעך אַריינגיסן מיינע איבערלעבונגען אין אַזאַ איינפאַכער פאָרעם, אַז זי זאָל קענען דינען פאַר אַ ביישפיל פאַר אַלגעמיינע כללים. די אינערלעכע איבערלעבונגען האָבן זיך דערפון, נאַטירלעך, נישט איבערגעביטן. עס איז געבליבן, עס האָט געמוזט בלייבן אַ דיסאָנאַנס צווישן די אינערלעכע איבערלעבונגען און אויסערלעכן אויסדרוק, צווישן דעם ווירקלעכן אינהאַלט און דער פאָרעם אין וועלכער דער דאָזיקער אינהאַלט פלעגט אַרויסטרעטן. פון דער אַנדערער זייט, און אפשר טאַקע דערפאַר, איז זיך די יידן־פראַגע אַזוי שטאַרק צונויפגעוואַקסן מיט מיין פערזענלעכן לעבן. איך בין שוין לאַנג אַרויסגעגאַנגען פונעם ענגן קרייז פון די שילער־פאַרהעלטענישן. אויף דער אַרענע פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, אויף וועלכער עס ווערן אָפגעמעקט אינדיווידועלע אינטערעסן און ס'טרעפן זיך מענטשלעכע מאַסן, — באַדייטן איינצלנע פערזענלעכקייטן ווייניק. מיין פערזענלעכקייט האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו ווירקן אויף דעם צושטאַנד פון די יידיש־פוילישע באַציאונגען. אָבער די לאַגע האָט זיך געביטן פונקט פאַרקערט. אין מיר, ווי אין אַ פאַרקערפערטער דעמאָנסטראַציע, האָט אָנגעהויבן פערזענלעך און דירעקט אָפצושפיגלען זיך דער צושטאַנד פון די יידיש־פוילישע באַציאונגען. אַלץ וואָס איז געווען געווענדט קעגן יידן, איז דורכגעגאַנגען דורך מיין „איך". וואָס איז דער וואונדער אַז דאָס דאָזיקע פראָבלעם איז געוואָרן פאַר מיר איינס פון די וויכטיקסטע, גאָר אינטימע, פערזענלעכע איבערלעבונגען?

די דאָזיקע יוגנטלעכע דעקלאַראַציע איז קודם כל געווען אַ דעמאָנסטראַציע. נאַטירלעך, האָט זיך די דאָזיקע דעמאָנסטראַציע געצייטיקט אין מיין נשמה. דאָס פריערדיקע געפיל פון פרעמדקייט צו יידן האָט געמוזט זייער אָפגעשוואַכט ווערן, די אינטערעסן פון יידן, די נגישות וואָס מען פלעגט זיי אָנטון, האָבן מיך געמוזט שטאַרק אָנגיין, אויב איך האָב זיך באַשלאָסן אויף דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע. אָבער זי האָט פון דעסט וועגן נישט געשטימט מיט דעם ווירקלעכן צושטאַנד. אַ באַוויז — אַ ריי קליינע, אָבער באַדייטונגספולע פאַקטן. די טעטיקייט צווישן דער יוגנט האָט מיך שוין מער נישט באַפרידיקט. נישט געהערנדיק צו קיין שום פאַרטיי, נישט זוכנדיק קיין וועגן, האָב איך אויף אייגענער אחריות צוזאַמען מיט עטלעכע יונגע־לייט פאַרבונדן זיך מיט אַרבעטער, אָנגעהויבן אָרגאַניזירן פראָפאַגאַנדיסטישע קרייזן, לייענען לעקציעס. ס'איז כאַראַקטעריסטיש אַז איך האָב געאַרבעט צווישן פוילישע אַרבעטער, און אויב איך האָב קיין טעות נישט איז מיר אפילו נישט איינגעפאַלן צו זוכן יידישע אַרבעטער. צווישן די יידישע שילער האָט זיך געהאַט געגרינדעט אַ הילפסקאַסע מיטן ציל צו שטיצן חברים וואָס האָבן מחמת די באַגרענעצונגען נישט געקאָנט אָנקומען אין אוניווערסיטעט און געמוזט פאָרן קיין אויסלאַנד. איך בין געווען דער ערשטער פאָרזיצער פון דער דאָזיקער קאַסע. און דאָך האָט זיך צווישן מיר און דער מערהייט אָרגאַניזירטע אין גיכן אַרויסגעוויזן אַן אונטערשיד אין איבערלעבונגען און מיינונגען.

איך געדענק שוין נישט ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען, נאָר אין גיכן האָבן זיך געבילדעט צוויי קאַסעס. איינע — מיט דער פריערדיקער קאָמפעטענץ; בראש פון דער צווייטער בין איך געשטאַנען, און זי האָט זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו שטיצן ניט נאָר יידן, נאָר אויך פרויען. „ווייל ס'האַנדלט זיך נישט נאָר וועגן דער יידישער פראַגע ספעציעל, ס'גייט דאָ אין געזעלשאַפטלעכער אומגערעכטיקייט". נישט דאָס איז וויכטיק וואָסער קאָנצעפציע איז געווען ריכטיקער און וועמענס טעטיקייט ס'איז געווען מער צוועקמעסיק, — וויכטיק איז אַז נאָך מיר איז געגאַנגען על פי רוב די אַסימילירטע יוגנט, די מער יידישע עלעמענטן זענען געבליבן אין דער אַלטער קאַסע, און צווישן זיי אַ סך פון מיינע שפעטערדיקע חברים.

מיין קוק אויף דער יידן־פראַגע איז געווען זייער פאַרנעפלט. איך האָב געהאַלטן יידן פאַר עפעס באַזונדערס, איך האָב מיך אַליין צוגערעכנט צו דער דאָזיקער באַזונדערער גרופע. דאָס געפיל פון גערעכטיקייט, פון פערזענלעכער ווערדע, האָבן מיר באַפוילן צו פאָדערן פאַר דער גרופע אַלזייטיקע גלייך־באַרעכטיקונג — אָבער, דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך מיר קלאָר נישט פאָרגעשטעלט וואָס פאַר אַ רעאַלע רעכט דאָס דאַרף זיין. דאָס אַלץ האָט אויסגעזען אַ ביסל מעטאַפיזיש.

נאָך דעם ווי איך בין אַריבער אין זיבעטן קלאַס, האָב איך פאַרבראַכט אין קאַזשימיעזש. דאָרט בין איך באַקאַנט און נאָענט געוואָרן מיט איינעם פ. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אין דער יידן־פראַגע האָבן מיר ביידע גלייכע געדאַנקען און געפילן. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאַרנעמען זיך מיט אָרגאַניזירן די יידישע סאָציאַליסטישע יוגנט. איך געדענק: מיט דעם ציל זענען מיר ביידע געפאָרן קיין פלאָצק. דאָרט זענען מיר געווען ביי ג. איך בין באַקאַנט געוואָרן מיט א. און י. ג.

איך דערמאָן מיך גענוי ווי איך האָב פאַר זיי אַנטוויקלט מיינע אָנשויאונגען אויף דער יידן־פראַגע, אַ ביסל נעפלהאַפטע, אַזוי ווי מיסטישע אָנשויאונגען. דער הויפטגעדאַנק איז געווען: אמת, יידן בילדן אַ באַזונדערע גרופע, אָבער די דאָזיקע באַזונדערקייט קאָן זיך אויסדריקן נאָר אין דעם וואָס דינענדיק דער אידעע, שפילן זיי צווישן די אַנדערע די ראָלע פון זייער באַוואוסטזיין. ספעציפיש יידישער פאַטריאָטיזם, עפעס אַ גלויבן אין דער ראָלע פונעם „אויסדערוויילטן פאָלק", האָבן זיך אין דער קאָנצעפציע פאַראייניקט מיט דער אוממעגלעכקייט צו באַהאַנדלען דאָס יידנטום רעאַל, ווי אַ נאַציע וואָס עקסיסטירט לעבן אַנדערע נאַציעס.

אין אַלגעמיין איז מיין סקעפטישער און ניכטערער שכל נישט געוואוינט געווען צו נערן זיך און צו פאַרנעפלען זיך מיט מיסטישע אָנשויאונגען. בלויז אין דעם איינציקן געביט האָב איך איבערגעלעבט אַזאַ מין פעריאָד. איך רעכן אַז מ'קאָן דאָס דערקלערן אויף אַזאַ אופן: אַליין בין איך געוואוינט געוואָרן אָנצואווענדן די יידישע פראַגע קודם כל אויף מיר, אַזוי צו זאָגן, מעסטן זי אויף מיר. איך האָב געקאָנט אָננעמען נאָר אַזאַ קאָנצעפציע פון יידנטום וועלכע זאָל, נישט איגנאָרירנדיק דאָס שוין באַוואוסט געוואָרענע געפיל פון באַזונדערטקייט, פון דעסט וועגן נישט צווינגען מיך אַרויסצוגיין פון די גרענעצן פונעם פוילישן לעבן. און איך האָב געזוכט אַזאַ קאָנצעפציע דורך מיסטיש באַאַרבעטע קלערענישן וועגן דער ראָלע פון יידנטום. איך געדענק אַז נאָך דעם ווי א. ג. האָט מיך אויסגעהערט, האָט ער געזאָגט: „ווען איך הער אייך, טראַכט איך אַז אייגנטלעך שטייט איר אויפן שטאַנדפונקט פון בונד, נאָר איר פלאָנטערט זיך אַליין. איר גיט צו עפעס פאָעזיע, מיסטיק, עפעס אַזאַ מין זאַך". איך האָב מיך פאַרטראַכט און האָב גאָרנישט געענטפערט.

איך האָב געוואוסט וועגן דער עקסיסטענץ פון בונד. אָבער די אָרגאַניזאַציעס אין פוילן זענען דעמאָלט געווען אומבאַדייטנדיק, שוואַך. אינעם פוילישן לעבן האָבן זיי זיך נישט געלאָזט הערן. קיין פאַרבינדונגען האָב איך מיט זיי קיין מאָל נישט געהאַט, אַ השגה וועגן דעם וואָס דער בונד וויל, האָב איך געהאַט אַ שוואַכע. אגב, האָט דער דעמאָלטיקער בונד אַליין רעכט נישט געוואוסט וואָס ער וויל אויפן געביט פון דער יידן־פראַגע. און דאָך האָט ג'ס פראַזע

מיך איבערראַשט, זי האָט אַזוי ווי אויפֿגעוועקט אין מיר עפּעס אַ סטרונע, אַזוי ווי דערמאָנט וועגן עטוואָס וויכטיקס, וואָס מען מוז פֿאַרשטיין און באַשליסן.

אָט אַזוי האָט זיך פֿאַר מיר, אויף מיין אייגענעם לעבנסוועג, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געשטעלט דער געדאַנק וועגן בונד. אויף מיינע פּראַקטישע פּלענער האָט דאָס אָבער נישט געווירקט. מיט מיין גאָר נאָענטן אָנטייל איז אַנטשטאַנען דער „פֿאַרבאַנד פֿון דער אומאָפּהענגיקער סאָציאַליסטישער יוגנט", וועלכע האָט אַרומגענומען יונגע־לייט אָן אונטערשייד פֿון נאַציע.

איך בין געווען אַ מיטגליד אין דער פֿאַרוואַלטונג פֿון פֿאַרבאַנד. כדי צו פֿאַרשטיין וואָס פֿאַר אַ כאַראַקטער ער האָט געטראָגן, דאַרף מען דערמאָנען וועגן אַ צווייטן פֿאַרבאַנד, וועלכער איז אַנטשטאַנען אַ ביסל פֿריער, — „פֿאַרבאַנד פֿון דער פּוילישע סאָציאַליסטישער יוגנט". די נשמה פֿון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען דער פֿאַרשטאָרבענער באָגדאַן ברעשעל, עלטער פֿאַר מיר מיט עטלעכע יאָר.

די דיפֿערענצירונג צווישן דער יוגנט איז געגאַנגען אַלס ווייטער און ווייטער. מ'האָט זיך שוין נישט באַפֿרידיקט מיט דער אַלגעמיין־פּראָגרעסיווער אָרגאַניזאַציע, מיט בילדונגסצוועקן וועלכע האָט אַרומגענומען אַלץ ברייטערע קרייזן. דער קאַמף מיט דער שולנאַטשאַלסטוואָ האָט זיך פֿאַרשאַרפֿט. ס'האָט זיך געוואָלט אַרבעטן צווישן די אַרבעטער, ס'האָט געצויגן צו פֿאַרבינדן זיך מיט די פּאַרטייען. עס האָבן זיך געבילדעט קאַדרען פֿון באַוואוסטזיניקע סאָציאַליסטישע יונגע־לייט, וועלכע האָבן שוין געוואָלט אַרבעטן, אָדער געוואוסט אַז זיי גרייטן זיך צו דער סאָציאַליסטישער אַרבעט. דאָס שפּיל איז שוין געווען אַסך געפֿערלעכער. די אָרגאַניזאַציע — קאָנספּיראַטיווער. ברעשעל און אַנדערע האָבן שוין געהאַט ריין פּאַרטייאישע, באַשטימטע סימפּאַטיעס, זיי זענען געווען אָנהענגער פֿון דער פֿאַר־רעוואָלוציאָנערער פּפּ"ס. אונטער דער אָנפֿירונג פֿון פּפּ"ס האָבן זיי באַשאַפֿן אַ יוגנט־פֿאַרבאַנד, וועלכער האָט געזאָלט צוגרייטן צוקונפֿטיקע טוער פֿאַר דער פּאַרטיי. מיר האָט מען נישט פֿאָרגעלייגט אַרייצוגיין אין דעם פֿאַרבאַנד, טיילווייז דערפֿאַר ווייל איך האָב נישט געהאַלטן בסוד אַז איך גלייב נישט אין דעם „סאָציאַל־פּאַטריאָטיזם". די אינערלעכע סתירות אינעם אַלטן פּראָגראַם פֿון דער פּפּ"ס האָבן זיך מיר געוואָרפֿן אין די אויגן. אָבער ס'איז געווען נאָך אַ טעם: זיי האָבן פֿאַראייניקט די „פּוילישע" יוגנט, צום ערשטן מאָל אין לעבן האָבן יונגע־לייט, חברים, אַפֿילו נאָענטע פֿריינד, נישט צוגערעכנט מיך צו דער „פּוילישער" יוגנט. איך האָב באַשאַפֿן אַ פּאַראַלעלע אָרגאַניזאַציע. להיפּוך צום „פּוילישן" פֿאַרבאַנד האָט אונדזערע זיך נישט באַגרענעצט מיט וואָסער עס איז נאַציע. להיפּוך צום פּאַרטייאישן כאַראַקטער פֿון יענעם „פֿאַרבאַנד" איז אונדזערער געווען אומפּאַרטייאיש, „אומאָפּהענגיק". אָבער די אָנגעזעענסטע פּפּ"ס. צווישן דער יוגנט זענען געגאַנגען אַהין, ביי אונדז האָבן זיך נאַטירלעך פֿאַראייניקט די קעגנער פֿון „סאָציאַל־פּאַטריאָטן", די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. אין דער אָרגאַניזאַציע זענען אויסגעוואַקסן פֿיל צוקונפֿטיקע טוער פֿון דער ס"ד פֿון פּוילן און ליטע, פֿון „בונד", פֿון „פּראָלעטאַריאַט". קורץ וועל איך נאָך באַמערקן אַז ברעשעל איז אין גיכן אַוועק, אין אַ יאָר אַרום האָבן זיך ביידע אָרגאַניזאַציעס פֿאַראייניקט. פֿאַר אַ פּלאַטפֿאָרם האָבן זיי גענומען „אומפּאַרטייאישקייט". איך בין געווען ביי דער פֿאַראייניקונג, דערנאָך בין איך אַוועקגעפֿאָרן.

גיך האָט זיך געענדיקט די צייט פֿון צוגרייטן זיך. עס האָבן זיך אָנגעהויבן הייסע צייטן. דער פֿאַרבאַנד האָט געגעבן די פּאַרטייען אַ סך פֿעאיקע מענטשן. אַ געוויסער טייל איז אומגעקומען בשעת דער רעוואָלוציע, אַ טייל איז גאָר פֿאַרדאָרבן געוואָרן (ביאַלאָסטאָצקי, קענסיצקי, רודאָמינאַ). אַנדערע אַרבעטן עד־היום אין פֿאַרשיידענע פּאַרטייען. דער פֿאַרבאַנד האָט שוין לאַנג אויפֿגעהערט צו עקסיסטירן. אין אָנהייב פֿון דער עקסיסטענץ פֿון „פֿאַרבאַנד" האָט זיך מיט אים שטאַרק פֿאַראינטערעסירט די סדקפּ"ל. די „פּשעגליאָנד ס"ד" האָט מען וועגן אים געדרוקט לויב־אַרטיקלען, קריטיקירנדיק בלויז זיין אומפּאַרטייאישקייט, אין דער זעלבער צייט האָט מען זיך

פֿאַראינטערעסירט מיט מיר. איך בין געווען דער איינפֿלוסרייכסטער מענטש אין דער אָרגאַניזאַציע. סיי צוליב מיר אַליין, סיי צוליב מיין איינפֿלוס האָט מען מיך געוואָלט צוציען. איך האָב זיך געהאַלטן נעגאַטיוו. מיין פֿאָרמעלער ענטפֿער איז געווען אַז איך וויל נאָך נישט אַרבעטן אין דער פּאַרטיי, אָבער אין פּריוואַטע געשפּרעכן מיט זיי און נאָך מער מיט זיך אַליין האָב איך מיר געשטעלט די פֿראַגע: צי איז נישט מיין פֿליכט — צו גיין אַרבעטן צווישן יידן? אַלן פֿאַלס האָב איך מיך באַמיט צו דינען אויך זיי, אויף וויפֿל דאָס איז נעוועון אומאָפּהענגיק פֿון פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט. איך האָב זיך געקווענקלט, געשלאָגן זיך מיט דער דעה.

אין יענער צייט זענען ג. געקומען קיין וואַרשע. זיי זענען אַריין אין „פֿאַרבאַנד", פֿלעגן זיך אָפֿט טרעפֿן מיט מיר, און אין דער זעלבער צייט האָבן זיי ביידע אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דער אָרטיקער אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד". נישט דערציילנדיק וועגן זיך האָב איך מיך נאָכגעפֿרעגט וואָס ווערט געטאָן. ווי אַזוי איך האָב געזוכט זיך צו אָריענטירן אין די פֿאַרהעלטענישן.

איין מאָל אין אָוונט האָט מיר ל. סודותפֿול געזאָגט: „איך וואָלט דיך וועלן באַקאַנט מאַכן מיט איינער אַ חברטע". איך האָב מסכים געווען, מיר זענען געגאַנגען צו א. א. איז ליידנשאַפֿטלעך אָנגעפֿאַלן אויף מיר. ס'טייטש, איר זענט אַ ייד, לויט די איבערצייגונגען — אַ בונדיסט, און ווילט פֿאַר אונדז גאָרנישט טון? איך האָב דערקלערט אַז איך קאָן מיך נאָך אַליין נישט אַנטשליסן. אין דער זעלבער צייט בין איך באַלד מרוצה געוואָרן אויף אָרגאַניזירן אינעם פֿאַרבאַנד אַ ריי דיסקוסיע־אָוונטן. זיי זענען פֿאָרגעקומען. די נאַציאָנאַלע פֿראַגע האָט מען באַרירט. איצט האָבן זיך מיט מיר פֿאַראינטערעסירט אָנגעזעענע בונדיסטן. איך בין בכח געווען צו געבן זיי מיט אַ מאָל אַן אוידיטאָריע, באַשאַפֿן אַ קאָנטאַקט מיט דער אָרטיקער יוגנט, בין געווען פֿעאיק, רעדנעריש באַגאַבט, געווען איינפֿלוסרייך, האָב געקאָנט דינען פֿאַר אַ פֿאַרבינדונג צווישן בונד און דעם אָרטיקן פּויליש־יידישן לעבן.

איין מאָל האָב איך צוליב די ענינים פֿונעם פֿאַרבאַנד געדאַרפֿט פֿאָרן קיין לאָדזש. עס האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך ל. ער האָט געבעטן איבערגעבן אַ בריוו דער איצט שוין פֿאַרשטאָרבענער עזא ליפּשיץ. אַגב, האָט ער געפּרואווט אַגיטירן מיך. דעם בריוו האָב איך גענומען, די פּרואוון פֿון אַגיטאַציע אָפּגעווענדט, מיר האָבן זיך צעשיידט קאַלט. אין לאָדזש בין איך באַקאַנט געוואָרן מיט עזא ל. און מיט אַנדערע אָרטיקע טוער. געווען מיט זיי אויף אַן אַרבעטער־פֿאַרזאַמלונג אין וואַלד און האָב צום ערשטן מאָל דערזען אַ יידישע אַרבעטער־מאַסע, דערהערט די „שבועה". איך האָב מיך נאָך אַלץ געקווענקלט, אָבער דער כאַראַקטער פֿון מיינע ספֿקות האָט זיך איבערגעביטן. איך האָב זיך געזאָגט: א. איז גערעכט, איך מוז אַרבעטן צווישן יידן. אויב איך וועל דאָס נישט טון, — איך, די פֿאַרקערפּערטע דעמאָנסטראַציע פֿון „יידישקייט" צווישן דער וואַרשעווער יוגנט, — טאָ ווער־זשע וועט דאָס טון? וועט זיך צווישן דעם יידישן און פּוילישן אַרבעטער שטעלן דער רוסיש־יידישער אינטעליגענט, וועט דאָס שווער מאַכן, זיי זאָלן זיך איינער דעם אַנדערן פֿאַרשטיין. איך וועל אַרבעטן צווישן יידן, ווייל איך בין אַ פּוילישער ייד, און ווייל די דאָזיקע פּאָזיציע נישט אָפּטרעטן אַנדערע.

איך האָב אָבער געצווייפֿלט אין דער מעגלעכקייט אָנצונעמען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע, וואָס וועגן דעם האָט דער בונד דעמאָלט זייער נישט דרייסט צום ערשטן מאָל דערמאָנט אויף זיין פֿערטן צוזאַמענפֿאָר.. דער פֿאַרבאַנד האָט אָרגאַניזירט וועגן דער פֿראַגע אַ ריי דיסקוסיע־פֿאַרזאַמלונגען. די רעזאָלוציע פֿון פֿערטן צוזאַמענפֿאָר האָט רעפֿערירט ר. איך געדענק: פֿון די ציוניסטן איז דעמאָלט אַרויסגעטראָטן לעשטשינסקי: ענטפֿערנדיק אים האָב איך צום ערשטן מאָל אין לעבן באַנוצט די ווענדונג „מיר, יידישע ס"ד, ר"ס. דערקלערונגען, פּירושים, זיין התפּעלות האָבן צעזייט מיינע ספֿקות. דער באָדן איז שוין געווען פֿאַרטיק. נאָך דער לעצטער דיסקוסיע בין איך צוגעגאַנגען צו אים און האָב דערקלערט: איך בין אייערער.

אַזוי בין איך אַריין אין בונד. דורך אַ לאַנגען אומוועג בין איך

צו אים געקומען. פון פּולקאָם פרעמד זיין מיט יידן — צום אריינטרעטן אין די רייען פון אַ יידישער פּאַרטיי. פון עכט־אַסימילאַטאָרישע מיינונגען — צו נאַציאָנאַלע יידישע פאָדערונגען.

אריינטרעטנדיק אין בונד האָב איך גערעכנט אַז איך האָב דערפילט מיין פליכט בנוגע דער יידישער מאַסע. איך בין אַ סאָציאַליסט, אַ ייד, וואָר־זשע זאָל איך אַרבעטן? אין דער זעלבער צייט האָב איך געגלויבט אַז דורך דעם וועג דין איך דעם לאַנד, ווייל איך האָב געגלויבט אַז איך וועל פאַרבינדן יידן מיט פּוילן. שוין נישט אַסימילירן, נאָר אריינפירן ווי בירגער.

מיין אויפגאַבע האָט געזאָלט זיין: פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די יידישע ארבעטער אין פּוילן און פאַרטיידיקן די אינטערעסן פונעם לאַנד אין די נשמות פון די יידישע ארבעטער. מיט דעם ציל און צוליב דעם בין איך אַריינגעטראָטן אין בונד.

עטלעכע חדשים שפּעטער האָב איך גערעדט מיט די פירער פון די עס־דע־קאַ־פּע־על. זיי האָבן געזאָגט: הגם זיי אַכטן מיינע אָנשויאונגען, רעכענען זיי אָבער אַז איך וואָלט געווען נוצלעכער ביי זיי, „איר קענט נישט די שפּראַך, איר קענט נישט די יידישע מאַסן”. איך האָב זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט.

אַזוי ווי איך האָב געמוזט אויסקלייבן אָדער די יידישע, אָדער די פּוילישע פּאַרטיי (קיין געמיינזאַמע, פאַראייניקטע איז נישט געווען און ס׳איז איצט אויך נישטאָ) האָב איך אויסגעקליבן די, וועלכע האָט זיך אין מיר מער גענייטיקט. דעם יידישן ארבעטער בין איך געווען נייטיקער, ווייל ווייניק מענטשן האָבן געפילט זייער פליכט בנוגע צו אים. אָבער איך בין געגאַנגען ארבעטן און האָב געאַרבעט צווישן די יידישע ארבעטער מיטן געדאַנק וועגן זייער גליק, וועגן דעם גליק פונעם לאַנד...

ווי אַזוי איך האָב מיר פאָרגעשטעלט דאָס גליק, ווי אַזוי האָב איך געוואָלט דאָס דערגרייכן, — דאָס איז געווען אַן אויספיר פון מיינע טעאָרעטישע אָנשויאונגען...

*

די דאָזיקע אויטאָביאָגראַפיע איז געשריבן אין יאָר 1911, אַ יאָר פאַר גראָסערס טויט. נאָכדעם ווי ער איז באַפרייט געוואָרן פון וואַרשעווער טורמע און איז אַ קראַנקער אַריבערגעפאָרן קיין אויסלאַנד. ער האָט עס געשריבן אין פּויליש פאַר זיין טאָכטער, דעמאָלס נאָך אַ קינד פון 4 יאָר. מיר דרוקן דאָ דעם טייל וואָס זיין פרוי וויאַטשיסלאַווא גראָסער, האָט געפינען פאַר נייטיק צו פאַרעפנטלעכן.

אַרויסגענומען פון דעם בוך „דער רויטער פּנקס”
פאַרלאַג קולטור־ליגע וואַרשע 1921.

ייִדישער וואַלקער־קאָאָפּעראַטיוו אין וואַרשע

ד״ר שמואל אייזענשטאַדט

(ישראל)

דאָס יאָר 1905 אין וואַרשע

(וואַרשעווער זכרונות)

א.

דער זומער פון יאָר 1905 איז געווען אַ שווערער אין דער געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין וואַרשע. אַ טייל פון די פירנדיקע חברים פון די פאַרשיידענע פּאַרטייען זענען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי, געווען איינגעשפּאַרט אין ציטאַדעל און אין פּאַוויאַק. אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען האָט זיך איינגעגעבן דורכצופירן נאָר אין אַ קליינעם פאַרנעם. די לימודים אין די טעאָרעטישע קרייזלעך איז אויסגעקומען צו פירן מיט גרויסע איבעררייסן. פּאַרטייאישע דירות זענען דורכגעפאַלן איינע נאָך די אַנדערע. די „בירזשע״ פון דער פּאַוויע־גאַס איז אויסגעקומען איבערצוטראָגן עטלעכע מאָל אַנדערש ווו. עס האָבן אומעטום געלויערט שפּיאָנען און טייל מאָל אויך אייגענע פּראָוואָקאַטאָרן. די קאַוויאַרניעס אויף נאָוואָליפּקע, וואָס זענען געווען טרעפּפּלעצער פאַר אַקטיוויסטן, זענען ניט געווען מער זיכער. זומער האָט מען נאָך געקענט דורכפירן אַ ריי אַקציעס אין די זומערוואוינונגען אויף דער לענג פון דער ווייסל־באַן אין פּאָלעניצע, שווידער און אָטוואָצק. מיט די ערשטע רעגנס האָט זיך די אַרבעט געמוזט קאָנצענטרירן אין שטאָט גופא. עס האָט זיך פון צייט צו צייט איינגעגעבן אַרויסצוהעלפן זיך מיט די לעגאַלע געזעלשאַפטן — „הזמיר״ און מיטן ליטעראַטן־פאַראיין אַלס טרעפּפּלעצער פאַר אינטעליגענטישע קלענערע גרופּעס. אַן ענגערער אינטעלעקטועלער יוגנטקרייז האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום יצחק לייב פּרץ און פלעגט זיך פאַרזאַמלען דאָס רוב ביי אים אין דער היים אין די פרייטיק צו־נאַכטן. דאָס זענען געווען דאָס רוב יונגע דיכטער און שרייבער וואָס האָבן זיך געשפּייזט פון דעם גרויסן סאָציאַלן און קינסטלערישן גייסט פון פּרץ.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט ווי אַ שוואַרצער פלאַם זיך צעגאָסן איבער די צאַרישע אַנשטאַלטן און האָט פאַרפעסטיקט די בירגערלעכע געזעלשאַפט. אַלס אַ זון פון אַ יידישן אַרבעטער־פירער האָב איך דערפאָלגלאָז געפּרואווט לאַנגע שווערע חדשים אויפגענומען צו ווערן אין 7—8טן קלאַס פון אַ וועלכער עס איז מלוכה־גימנאַזיע, כדי דורכצומאַכן דעם וועג צו העכערער יורידישער און פּאָליטישער בילדונג, וועלכע איז מיר געווען נייטיק בנפש לשם דער פאַרטיפונג און פאַרפולשטענדיקונג פון מיין אַרבעט צווישן די יידישע אַרבעטער. איך האָב עטלעכע שווערע חדשים אַרומגעפּלאָגט זיך אין דער פּוילישער פּראָווינץ. גאַנצע טעג געלערנט, געגרייט זיך צו עקזאַמענעס, און די נעכט פאַרבראַכט אין אַרבעטער־קרייזלעך, געשריבן רעוואָלוציאָנערע אויפרופן, רעוואָלוציאָנערע לידער און געהאַלטן רעפעראַטן.

אומעטום האָבן זיך די גימנאַזיעס פאַר מיר געשלאָסן, און אין אַ האַרבסטיקן טאָג האָב איך זיך אומגעקערט קיין וואַרשע. געפונען אַ ווינקל ביי אַ פריינד אויף דער דזיעלנע־גאַס, האַרט ביים פּאַוויאַק, און אַן אַנטווישטער אין מיין בילדונגס־פּראָגראַם זיך געוואָרפן צו פּאָליטישער זעלבסטבילדונג. ביי נאַכט געלייענט מאַרקסיסטישע ליטעראַטור, ביז אַ חברשע האַנט פלעגט ניט אָנקלאַפּן אין פענצטער און אַוועקפירן ערגעץ וואו אין אַ קרייזל.

איך האָב שוין אין יענע יוגנטיאָרן אָנגעהויבן מיין טעטיקייט אַלס פּובליציסט. איך האָב צו 17 יאָר פאַרעפנטלעכט מיינע ערשטע אַרטיקלען אין דער דעמאָקראַטישער טאָגצייטונג „דער פריינד״ אין איין וועג אויך — אין דער אומלעגאַלער אַרבעטער־פּרעסע. איך האָב אָבער גלייכצייטיק אויך אויסגעדריקט מיינע רעוואָלוציאָנערע געפילן און איבערלעבענישן אין לידער, וועלכע זענען צום טייל אַנאָנים פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַרבעטער־צייטונגען און אָפט אויך געזונגען געוואָרן — לויט אימפּראָוויזירטע ניגונים אויף אַרבעטער־פאַרוויילונגען.

אין יענעם האַרבסט פלעג איך זיך ניט קאָנען גייסטיק באַפרייען פון דעם שווערן איינדרוק אַז אין מיין שכנות שמאַכטן חברים אין די ענגע קעמערלעך פון פּאַוויאַק. איך פלעג, פאַרבייגייענדיק, מיט מיטגעפיל זיך צוקוקן צו די בלעכענע לאָדן („ברילן״ פלעגט מען זיי רופן) וואָס פאַרשטעלן דאָס טאָגליכט פון די פאַרשפּאַרטע קעמפער, און איך האָב זיך ניט באַרואיקט ביז איך האָב איין מאָל אָנגעשריבן און אָנגעקלעפּט אויף דער הינטערוואַנט פון טורמע דאָס אַכט־שורותדיקע ליד:

ביים פּאַוויאַק

באַלד קומט שוין דער טאָג און מען וועט דיך צעברעכן,
דו הויכע, דו שטאַרקע, דו אייזערנע וואַנט;
איך הער שוין דאָס קול פון דיין בלוטיקן שונא,
ער גייט שוין, אָט קומט ער מיט וואָפן אין האַנט.

עס פאַלן די שטיינער, עס פאַלן די ריגלען,
באַלד וועט די פאַרקנעכטע וועלט זיין באַפרייט,
דער חורבן וועט זאַט זיין מיט בלוט פון די הענקער,
די וועלט וועט זיך פרייען צום סוף פונעם שטרייט.

און אין אַ פּאָר וואָכן נאָך דעם האָבן די שטומע טויטע פענצטער פון פּאַוויאַק אָנגעהויבן ריידן מיט אַ שפּראַך פון רויך און פייער און פון רעוואָלוציאָנערן געזאַנג.

ב.

אין יענעם יאָר איז אין וואַרשע געווען אַ פייכטער און נעפּלדיקער האַרבסט. ביי טאָג האָט די זון נאָך געוואַרעמט, און אין די אָוונטן האָט אַ ווינטל אומעטיק געפּייפט און הילפלאָז געקלאַפּט אין די לאָדנס.

אויף דער דזיעלנע־גאַס ביים פּאַוויאַק איז געשטאַנען אַ פאַרשטאַרקטע וואַך פון קאָזאַקן, וועלכע האָבן זיך געקליבן פאַרברענגען דאָ די לופטיקע האַרבסטנאַכט, די נאַכט פון 16טן אויפן 17טן אָקטאָבער לויטן אַלטן סטיל.

זיי האָבן אויסגעשטעלט זייערע לאַנגע פּיקעס מיט די שפּיצן אַרויף אין דער געשטאַלט פון אַ דרייעק, אויפגעהאָנגען אויף זיי זייערע וואַסער־קעסלעך, צעלייגט פייערן און פאַר איין וועג געקליבן זיך וואַרעמען ביים פייער און טרינקען טיי. ביז זייערע קעסלעך האָבן אויפגעזאָדן, האָבן זיי געמאַכט שטאַרקע באַוועגונגען אַרום דעם פייער, קלאַפּנדיק אַ פוס אָן אַ פוס, און די שפּאָרן אויף זייערע שטיוול האָבן אומעטיק אונטערגעקלונגען.

און פּלוצלונג האָט זיך ווי אַ בליץ דורכגעטראָגן איבערן נע־

פלדיקן וואַרשעווער האַרבסטאָוונט די ניט־דערוואַרטע, ניט גלויבלעכע בשורה: ניקאָליי דער צווייטער האָט באַוויליקט דעם פּאָלק פּאָליטישע פרייהייט, געגעבן אים אַ קאָנסטיטוציע! עס איז עפּעס געווען זייער תמימותדיק די זאַך. עס האָט זיך ניט געקלעפּט מיט דער פּאָליטישער ווירקלעכקייט פון די לעצטע חדשים, עס האָט סותר געווען דעם שולחן־ערוך פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף, וועלכער האַלט לחלוטין ניט פון קיין רעפאָרמעס פון אויבן, פון הויף־רעוואָלוציעס. עס איז אָבער, מעגלעך געווען — און דאָס האָט זיך דאַך באַלד אויך אַרויסגעוויזן — אַן אַקט פון יאוש און שוואַכקייט, פון פאַרלאָרנקייט מצד די צאַרישע הערשער — און דעם אַקט האָט מען באַדאַרפט וואָס גיכער אויסנוצן, כדי צו אָרגאַניזירן ביי די תנאים פון צוגעזאָגטער פּאָליטישער פרייהייט אַ רעוואָלוציאָנערן מלוכה־סדר, פאַרוואַנדלען די רעפאָרם פון אויבן אין אַ שטאַרקער רעוואָלוציאָנערער מאַסן־באַוועגונג פון אונטן.

די מאַסן האָט באַהערשט אַ סטיכישע פרייד און עקסטאַז. די וואַרשעווער גאַסן זענען, לויט דעם מלוכה־באַפעל פון פּעטערבורג, באַלויכטן געוואָרן מיט פילפאַרביקע פייערן, — די מלוכה־געביידעס זענען אילומינירט און באַפּוצט געוואָרן ווי אין די גרויסע פייערטעג. עס זענען אויסגעהאָנגען געוואָרן און באַלויכטן מיט פייער־גירלאַנדן דעם צאַרס בילדער.

ניקאָליי דער צווייטער ברענט! — האָבן אויסגעשריען יענע נאַכט רעוואָלוציאָנערע רעדנער אויף די וואַרשעווער גאַסן — מען דאַרף אָבער ער זאָל פאַרברענט ווערן.

די פּאָלקסמאַסן זענען אַרויס אויף די גאַסן. די פּאָליטישע אַרעסטירטע אין פּאַוויאַק און אין ציטאַדעל האָבן אָנגעצונדן אין די פענצטער זייערע מאַטראַצן און ביים רויך און פייער האָט זיך געטראָגן פון קאַמער צו קאַמער דאָס געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער, די פּאָליטישע אַרעסטאַנטן האָבן דערוואַרט פון מינוט צו מינוט זייער באַפרייאונג. נאָך פאַר האַלבער נאַכט האָבן זיך געעפנט די פאַרריגלטע טירן און די אַרעסטירטע זענען געווען מיטן פּאָלק.

די גרויסע מאַסן אָרגאַניזירטע פּוילישע און יידישע אַרבעטער האָבן ניט פאַרלאָרן דעם קאָפּ. זיי האָבן זיך אומעטום גרופּירט אַרום זייער אַקטיוו און זייערע פירער. עס זענען אַרויסגעטראָגן געוואָרן די רויטע פאָנען אין גאַס אַריין, מען האָט אָבער אויך ניט פאַרגעסן מיטצונעמען מיט זיך אויף יעדן מעגלעכן פאַל דאָס באַהאַלטענע רעוואָלוציאָנערע כלי־זין.

גאַנץ גיך האָבן זיך באַוויזן די ערשטע אויפרופן פון די פּאַרטיי־צענטראַל־קאָמיטעטן, וואָס האָבן אויפגעקלערט די לאַגע. אַלע גאַסן פון יידישן און פּוילישן שטאָטטייל זענען שוין 9 אין אָוונט געווען ענג געפּאַקט מיט מאַסן פון פּאַרטיי־חברים און סימפּאַטיקער, וועלכע האָבן זיך געשטעלט דיסציפּלינירט אויף דער רעוואָלוציאָנערער וואַך, מוטיק, באַוואוסטזיניק געשלאָסן אין רייען, אונטער זייערע פאָנען, אונטער דער פירונג פון זייערע פירער — עס איז געווען קלאָר אַז עס קומען אָן גרויסע טעג אין דער געשיכטע פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

דער גאַנצער שטח פון פּאַוויאַק, איבער קאַרמעליצקע, לעשנע, עלעקטאָראַלנע, זשעלאַזנע, ביז צו קראָלעווסקע, מאַרשאַלקאָווסקע און נאָווי־שוויאַט האָבן געבילדעט איצט איין קאָמפּאַקטן רעוואָלוציאָנערן לאַגער. האַרמאָניש און באַגייסטערט האָבן געקלונגען די פּוילישע און יידישע רעדעס אין דער נעפּלדיקער האַרבסטלופט, אין וועלכער עס איז אין ליד און פרייד געבוירן געוואָרן די גרויסע ערשטע רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און פּוילן.

איך בין געווען די גאַנצע צייט אויף דער גאַס מיט דער מאַסע, האָב פאַרגעסן הונגער און מידקייט. אַלץ האָט אין מיר געזונגען דאָס ליד פון דעם אויפקומענדיקן רעוואָלוציאָנערן מאָרגן. אָבער ניט קוקנדיק אויף מיינע 19 יאָר, האָב איך ניט פאַרלאָרן מיינע חושים, ניט פאַרשכורט געוואָרן דורך די איבערלעבענישן פון דער היסטאָרישער נאַכט, און ווען צוויי פּאָר חברישע הענט האָבן מיך געהאַט אויפגעהויבן איבער די קעפּ פון דער אַרבעטער־מאַסע אויפן ווינקל פון לעשנע און קאַרמעליצקע און אויפגעפאָדערט צו ריידן

צום פּאָלק, האָב איך ביי דער גאַנצער האַרציקייט און פלאַם פון מיין רעדע ניט פאַרגעסן צו רופן צו רעוואָלוציאָנערער אויסגעהאַלטנקייט און לאָגיק, צו האַרבער וואַכזאַמקייט און דיסציפּלין.

ג.

שוין אויף מאָרגן האָבן די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, און נאָך איידער וואַרשע האָט זיך דערוואוסט וועגן די קאָנטררעוואָלוציאָנערע אַטאַקעס פון דער ליגנערישער צאַרישער רעגירונג און וועגן דער כוואַליע פון פּאָגראָמען אין רוסלאַנד, האָט זיך שוין געגאָסן בלוט אין די וואַרשעווער גאַסן — פּויליש און יידיש בלוט האָט זיך ווידער באַהעפט אין דעם אויפמאַרש פון דעם שותפישן קאַמף.

פון פרימאָרגן אָן האָבן אַרבעטער־מאַסן און יוגנט אָן אויפהער פאַרפילט די צענטראַלע גאַסן פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט, מען האָט נייגעריק געוואַרט אויף ידיעות פון פּעטערבורג און מאָסקווע. די יידישע גמינע אויף דער גזשיבאָווסקע־גאַס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טרעפפּונקט פון די יידישע מאַסן פון כלערליי פּאַרטייען. אין דער געביידע פון דער גמינע האָבן זיך געפירט פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּאַרטיי־פּאָלעמיק אַרום די אויפגעקומענע טאָגפראַגעס. די ליבעראַלן האָבן גערופן צו מעסיקייט און לאָיאַליטעט, די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן גערופן צו וואַכזאַמקייט, צו אַן איינהייטספראָנט. סיימיסטן און אַנדערע אויטאָנאָמיסטן האָבן געפּרוּווט באַרירן די פראַגע פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וועלכע האָט ביי זיי אויסגעזען אַלס אַן אַקטועלע פראַגע פון מאָמענט.

עס איז נאָך שווער געווען צו ריידן וועגן אַלץ אויסגערעכנט, באַגרינדעט מיט אַ קאַלטן קאָפּ; די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן קייקלען, עס איז נאָך לגמרי נישט קלאָר געווען ווי גרויס איז זייער שלאָגקראַפט.

קיינער האָט זיך אָבער ניט געריכט אַז שוין אויף מאָרגן נאָך די פייערלעכע הבטחות דעם פּאָלק וועט זיך אויפדעקן מיט אַזאַ העסלעכן ציניזם דער אַלטער צאַרישער שקר, אַז שוין דעם 18טן אָקטאָבער וועט זיך אַרבעטער־בלוט גיסן אין די וואַרשעווער גאַסן.

אין קאָמפּאַקטע מאַסן האָבן מיר זיך אַ זייגער 10 אין דער פרי געלאָזט מאַרשירן פון דער יידישער גמינע צום פּלאַץ גזשיבאָווסקי, וועלכער איז געלעגן אויפן צענטראַלן מאַרשירוועג פון דער פאַראייניקטער פרידלעכער דעמאָנסטראַציע פון דער וואַרשעווער אַרבעטערשאַפט. פון אַלע עקן פון דעם פּוילישן און יידישן שטאָטטייל האָבן זיך געצויגן געשלאָסענע אַרבעטער־קאָלאָנעס מיט פלאַטערנדיקע רויטע פאָנען אין באַגלייטונג פון מוזיק־אָרקעסטערס. לאַנג האָט געדויערט ביז די קאָלאָנעס האָבן געקענט אָנקומען אויף דעם פּלאַץ גזשיבאָווסקי, וואָס איז ניט געווען ביכולת אויפצונעמען די פּאָלקסמאַסן, וועלכע האָבן צו אים מאַרשירט. די אָרגאַניזירטע אַרבעטער־מאַסן האָבן, אָנקומענדיק צום פּלאַץ, פאָרמירט ברייטער זייערע רייען, גענומען זיך פאַר די הענט און אין געשלאָסענע שורות — דאָס איז מן הסתם שוין געווען אַרום 12 ביי טאָג — איינגעגלידערט זיך, לויט דער אינסטרוקציע פון אָרדענערס, אין דער מעכטיקער דעמאָנסטראַציע וואָס האָט אַריינגעמאַרשירט אויפן פּלאַץ.

איך בין געווען אָנגעשלאָסן אין איינער פון די דאָזיקע מאַרשירנדיקע שורות; אַ טיפע אינעווייניקסטע פרייד פון קאָלעקטיוון אויפמאַרש, פון רעוואָלוציאָנערער דערגרייכונג, האָט באַהערשט אַלע מיינע חושים. איך האָב געזונגען מיטן אַרבעטער־פּאָלק, האָב זיך מיט אים גייסטיק באַהעפט.

מיר האָבן שוין געמיטן דעם פּלאַץ און זענען געגאַנגען ווייטער, ווען הינטער אונדז האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּעריי פון פערדישע פיס, דאַן אַ ווייגעשריי פון מענטשן און גלייך נאָך דעם אַ שיסעריי, אַ קאַנאָנאַדע פון ביקסן.

די פאַרפלוכטע צאַרישע רעגירונג האָט אונדז פאַרראַטן.

רייטנדיקע זשאַנדאַרמען און קאַוואַלעריע, וואָס זענען געווען באַהאַלטן אין די אַרומיקע פּלעצער און הויפן, האָבן זיך פּלוצלינג

אַריינגעריסן אָן קיין שום התראה, ווי ווילדע חיות, אין די מאַרשירנדיקע שורות פון אַרבעטער־פאָלק. די פערד האָבן געטראָטן מענטשן, די רייטער האָבן געשאָסן, אויסגעשרייען פון די פאַרוואונדעטע האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די קאַמפסרופן פון די דעמאָנסטראַנטן. אַלטע געפּרואווטע אַרבעטער־קעמפער האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט מיט וואָפן די אַנפאַלער, באַמיט זיך אָפּצושטעלן די פּאַניק און ניט לאָזן די פינצטערע שליחים פון צאַריזם דורכצורייסן און דעזאָרגאַניזירן די געשלאָסענע רייען פון דעם מאַרשירנדיקן פרידלעכן פאָלק.

אין יענעם טאָג זענען געפאַלן 26 מאַן טויט און פיל צענדליקער זענען פאַרוואונדעט געוואָרן.

דער אַרבעטער־קלאַס אין צאַרישן רוסלאַנד איז געווען געוואוינט צו קרבנות, די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג איז געווען גענוג זאַט מיט בלוט און מיט טרערן, נאָר יענע קרבנות זענען געווען קרבנות פון פריצייטיקער פרייד, פון פאַרשוועכטן גלויבן אין די קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטן; זיי זענען געפאַלן דורך דער האַנט פון אומגעריכטע צאַרישע מערדער, און זיי האָבן דעריבער דערוועקט אַ פלאַמענדיקן צאָרן אין די אַרבעטער־הערצער, אין האַרצן פון יעדן ערלעכן בירגער. זיי האָבן דערמאָנט אָן דער פעטערבורגער צאַרישער שחיטה פון 9טן יאַנואַר. איך האָב מיט מיינע אויגן געזען ווי חברים זענען געפאַלן עטלעכע טריט פון מיר, איך בין געלאָפן זיי העלפן, אַרויסגעטראָגן פון אונטער דער שיסעריי. מיינע הענט זענען צום ערשטן מאָל געווען באַפלעקט מיט מענטשלעך בלוט, איך האָב געזען ווי די פאָנען־טרעגער האָבן דורכגעליגט זייער וועג פאָרויס, ווי דאָס בלוט פון די פאַרוואונדעטע האָט זיך גערויטלט צוזאַמען מיט די רויטע פאָנען. יאָ, מען האָט די בלוטיקע טיכלעך צוגעהאַנגען צו די פאָנען און זיי געטראָגן אויפן קאַמפסמאַרש.

איך האָב מיט פייער און צאָרן געשילדערט יענעם טאָג אין מיין יוגנטליד „דער טאָג“, אין וועלכן עס איז פאַרקערפּערט געוואָרן די קאָלעקטיווע איבערלעבעניש פון די וואַרשעווער פאָלקסמאַסן:

אַ טאָג איז געווען דאָס אַ גרויסער, אַ שווערער,
אין גאַס האָט די קעמפער געהיט מיליטער,
און מאַסן, אַרמייען מיט לידער מיט פאָנען
געוואַקסן, געוואָרן אַלץ מערער און מערער.

עס לויפן קאָזאַקן, דראַגונער, זשאַנדאַרמען,
די מעכטיקע מאַסע צעטריבן, צעזייט,
און אָט איז זי פּלוצלינג שוין ווידער פאַראייניקט,
געשלאָסן אין רייען, מאַרשירט זי און גייט.

דער הענקער, דער מערדער, באַלד הייסט ער אונדז שיסן,
עס אַרבעט די ביקס און די בלוטיקע שווערד;
מיט פרייהייטס־געשרייען, מיט האַס אויף די ליפּן
פאַלן חברים אין בלוט אויף דער ערד.

נו, אַ טאָג איז געווען דאָס אַ בלוטיקער, שווערער,
מיר האָבן טיכלעך געטונקט אין דעם חברישן בלוט,
אַלע פאָנען געטראָגן מיט פלאַמיקע לידער
און פאָרווערטס געשריטן מיט גייסט און מיט מוט

נו, אַ שרעקלעכער טאָג איז דאָס איין מאָל געווען,
מיר וועלן דערציילן ביים ענד פון דער שלאַכט,
ווען טראָגן וועלן פאַלן, מאַרטירט זיי די הענקער,
און אַלץ צו אַ ליכטיקן לעבן דערוואַכט.

ד.

אויף מאָרגן האָבן מיר געפירט צו קבורה 26 רויטפאַרביקע טרומנעס מיט אונדזערע טויטע. די וואַרשעווער אַרבעטערשאַפט איז געווען העכסט צאָרנדיק און אויפגעבראַכט. זי האָט געלאָזט וואָרענען דאָס מיליטער און די זשאַנדאַרמעריע אַז זי וועט זיך שווער נוקם זיין אָן די רעגירונגס־אַגענטן, אויב זיי וועלן זיך מאָרגן ווייזן אויף די גאַסן בעת די פאָלקסמאַסן וועלן באַגלייטן זייערע טויטע אויפן לעצטן וועג.

וואַרשע האָט ביז דאַן ניט געזען אַזאַ מאַסן־דעמאָנסטראַציע ווי זי האָט געזען יענעם 19טן אָקטאָבער. אַרבעטער־פירער האָבן זי אָפּגעשאַצט אין אַ מיליאָן מענטשן. זי איז אָבער ניט נאָר מעכטיק געווען אין איר צאָל, זי איז געווען אויסגעהאַלטן און מאַיעסטעטיש אין איר רעוואָלוציאָנערן סטיל, אין איר סאָלידאַרישער באַהעפטקייט, אין דעם האַרמאָנישן דרייסטן אויפטריט פון די מאַסן.

דער צאַריזם איז אויף אַ טאָג צייט געשטאָרבן. מען האָט אויפן גאַנצן שטח פון וואַרשע ניט געזען קיין פּאָליציאַנט און קיין סאָלדאַטן. פון פרימאָרגן אָן האָבן זיך פאַרמירט קאָלאָנעס אַרבעטער, אינטעליגענץ, פרויען, לערן־יוגנט. עס זענען מאָביליזירט געוואָרן פון די פּאַרטייאישע אַקטיוון הונדערטער אָרדענער מיט רויטע בענדער אויפן אַרבל, וואָס האָבן געדאַרפט אַכטונג געבן אויפן רעוואָלוציאָנערן סדר פון די מאַסן. די מאַרשירנדיקע טרויער־שורות זענען באַשטאַנען פון אַכט פאַרשוין יעדע, און פון ביידע זייטן זענען זיי געווען אַרומגענומען מיט אַ לעבעדיקער האַנט־געשלאָסענער באַוועגלעכער שורה פון אַן אַרבעטער־וואַך, וואָס האָט ווי מיט אַ קייט אַרומגענומען די גיגאַנטישע פּראָצעסיע. טרויער, מוט, קראַפט און צאָרן זענען געווען אָנגעשריבן אויף יעדן פּנים; די 26 רויטע טרומנעס, וואָס זענען געטראָגן געוואָרן אויף אַרבעטער־הענט, זענען געווען באַצירט מיט בלומענקרענץ אין שוואַרצע בענדער. די אַרבעטער־כאָרן האָבן געזונגען רעוואָלוציאָנערע טרויערלידער אויף פּויליש און יידיש.

דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער העראָאישער און טראַגישער פּרשה, דער פּרשה פון קאַמף צווישן דער רעוואָלוציע און דער קאָנטררעוואָלוציע.

ביידע צדדים האָבן געלאָזן אין גאַנג זייער קאַמפס געווער.

דער וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט פאַרבאָטן אַלע דעמאָנסטראַציעס און מאַסן־פאַרזאַמלונגען; אין שטאָט איז בערך אין מיטן נאָוועמבער דערקלערט געוואָרן קריגצושטאַנד.

די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט זיך לאַנג ניט באַרואיקט, זי האָט דורכגעבראָכן אַלע שטערונגען און באַגרענעצונגען און האָט זיך געריסן אין אָפענעם מאַסנקאַמף קעגן צאַריזם. די טורמעס האָבן זיך ווידער פאַרפילט מיט פּאָליטישע קעמפער. דער הויפּט מיט אַרבעטער־פירער. עס איז דורכגעפאַלן אַ גרויסער טייל פון בונדישן אַקטיוו. און ווען אַ געשלאָסענע דעמאָנסטראַציע פון יידישע אַרבעטער־קינדער, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן „קליינעם בונד“, האָט זיך געלאָזט מאַרשירן צו דער פּאַוויאַק־טורמע מיט דער פאָדערונג אַז מען זאָל באַפרייען זייערע עלטערן — האָט די פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע געשאָסן אויפן באַפעל פון דער רעגירונג, און קינדערש בלוט האָט באַנעצט די גאַסן.

עס האָבן דעמאָלט אויסגעבראָכן אין וואַרשע מעכטיקע כוואַליעס אַרבעטער־שטרייקן, וועלכע האָבן זיך סאָלידאַריזירט מיט דער אַלגעמיינער רוסלענדישער שטרייק־באַוועגונג. זיי האָבן אַריינגעטראָגן פּאָליטישן כאַראַקטער און האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער דיסציפּלין און אַנטשלאָסנקייט.

די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך געפונען אין פולן פּאָליטישן קאָנטאַקט מיט דער פּוילישער. עס האָבן געשטרייקט יידישע אַרבעטער פון אַלע פאַכן, און באַזונדער שווער האָט די אָרעמע מאַסע איבערגעטראָגן דעם בעקערשטרייק, וואָס האָט זיך געצויגן אויף וויפל איך געדענק, אַ קנאַפּע וואָך.

ה.

מיט דער הילף פון געדונגענע כוליגאַנעם האָט די צאַרישע אַדמיניסטראַציע געפּרואווט אין מיטן נאָוועמבער צו אָרגאַניזירן אַ יידישן פּאָגראָם אויך אין וואַרשע. עס זענען דערפון ביי צייטנס געוואָר געוואָרן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס און אויך אַנדערע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, און מען איז תיכף צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן אַ שטאַרקע און פאַרצווייגטע זעלבשוץ.

די צוגרייטונגס־אַרבעט האָט זיך געפירט ביי תנאים פון העכסט־שטרענגער קאָנספיראַציע. דער צענטראַלשטאַב פון דער זעלבשוץ, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט אויך פוילישע אַרבעטער־אַקטיוויסטן און רעוואָלוציאָנערע פירער, איז געווען פאַרבונדן מיט דעם יידישן שטאָטטייל דורך וואַנדערנדיקע קאָלאָנעס. כלי־זין איז געווען באַהאַלטן אין פאַרשיידענע ערטער. לויט דעם באַפעל פון דער זעלבשוץ פלעגן די טויערן פון די הויפן בלייבן פאַרשלאָסן דעם גאַנצן טאָג. די „סטרוזשעס" זענען געשטאַנען אונטער דער השגחה פון די הויז־איינוואוינער, וועלכע פלעגן לויט דער ריי האַלטן וואַך ביי די טויערן. אין די דירות וואָס גייען אַרויס צו דער גאַס זענען געווען אָנגעזאַמלט שטיינער און אייזנברוך אַלס עלעמענטאַרע מיטלען פון פאַרטיידיקונג. אויך האָט די זעלבשוץ באַפוילן עס זאָלן טאָג און נאַכט געקאָכט ווערן קעסלען מיט וואַסער, מען זאָל מיט זיי קענען אָפבריען און פאַרטרייבן די פאָגראָמשטשיקעס, ווען זיי וועלן אַטאַקירן די טויערן.

די זעלבשוץ האָט אינספעקציאָנירט די הייזער צוויי־דריי מאָל אין טאָג. פאַר יעדן טאָג פלעגן באַשטימט ווערן אַנדערע פאַראָלן, און נאָר ווענדנדיק זיך מיטן פאַראָל און קריגנדיק אַן ענטפער, פלעגט דער פאַרטרעטער פון דער זעלבשוץ קומען אין קאָנטאַקט מיטן פאַראַנטוואָרטלעכן פאַרטרעטער פון דעם הויף. אַזוי געדענק איך, אַ שטייגער, אַז איין טאָג איז דער פאַראָל באַשטאַנען פון בלויז צוויי ווערטער: „וואַרשע־רעוואָלוציע". דער פאַרטרעטער פון דער זעלבשוץ האָט אָנקומענדיק אויסגערופן „וואַרשע", און ערשט באַקומענדיק דעם ענטפער — „רעוואָלוציע" האָט ער ווייטער פאַרהאַנדלט און אינסטרואירט, און דערציילט וואָס עס טוט זיך אין שטאָט.

באַזונדער שווער איז געווען דער פאַרבינדונגס־דינסט פון דער זעלבשוץ ביי נאַכט. מען האָט בעיקר געדאַרפט מורא האָבן אַז די כוליגאַנעס מיט דער אונטערשטיצונג פון פאָליציי זאָלן ניט באַפאַלן דעם יידישן שטאָטטייל פון וואַרשע ביי נאַכט. און אין שטאָט פלעגט זיך ביי קריגצושטאַנד 9 אין אָוונט אָפשטעלן יעדע באַוועגונג. אויף אַרויסצוגיין אין גאַס האָט מען געדאַרפט האָבן אַ ספעציעלע דערלויבעניש, און אַזעלכע פלעגט געגעבן ווערן נאָר ביי אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען.

די זעלבשוץ איז דאַן געפאַלן אויף אַ זעלטענעם איינפאַל, וועלכער האָט איר געשאַפן די מעגלעכקייט צו באַוואַכן די שטאָט ביי נאַכט און צו פאַרבינדן זי מיט דער באַפעלקערונג: די וואַרשעווער „דראָזשקאַזשעס", די בעלי־עגלות, האָבן געהאַט דערלויבעניש אַרויסצופאָרן ביי נאַכט אומגעשטערט. עס איז אויסגעקומען דאָס אויסצונוצן פאַר די צוועקן פון זעלבשוץ. מען האָט די „דראָזשקאַזשעס" איבערגערעדט אָדער דאָס רוב געצוואונגען צו בלייבן זיצן אין דער היים, לאָזן די מענטשן פון דער זעלבשוץ איבערצוטאָן זיך אין זייערע בעל־עגלישע קליידער און אַרויספאָרן אויף דער נאַכט אויף זייערע פערד אין שטאָט אַריין. אַזוי האָבן עטלעכע צענדליק כלומרשטע „דראָזשקאַזשעס" געהאַלטן וואַך איבער די נאַכטלעכע גאַסן און הויפן, בעת די אמתע „דראָזשקאַזשעס" זענען געבליבן זיצן אין דער היים אונטער דער אויפזיכט פון דער זעלבשוץ, כדי זיי זאָלן נישט קענען אַרויסגעבן די זאַך דער פאָליציי.

די שטאַרקע אָרגאַניזאַציע פון דער זעלבשוץ האָט דעמאָלט פאַרהיט וואַרשע פון אַ יידישן פאָגראָם. עס איז ניט גרינג געווען דער פאָליציי ביי אַזעלכע אומשטאַנדן צו געפינען גענוג כוליגאַנעס פאַר דעם מיאוסן שפיל. די פוילישע וואַרשע, אפילו די רעאַקציאָנערע, האָט זיך בכלל אָפגעהאַלטן פון דער מיאוסער שותפות מיט צאַרישע אַגענטן.

דערפאַר אָבער האָט די זשאַנדאַמעריע אויסגעשפירט יעדן פאָליטישן טוער, יעדן אַרבעטער־אַקטיוויסט און יעדן טוער פון דער זעלבשוץ. זי האָט זיך צו דעם צוועק באַנוצט אויך מיט דער הילף פון פראָוואָקאַטאָרן, די מיאוסע פאַררעטער פון פאָלק און פון זיין באַפרייאונגס־קאַמף.

ביי מיינע 19 יאָר בין איך שוין געווען אַ שווערער „פאָליטישער פאַרברעכער" און אַלס אַזאַ בין איך געווען פאַרשריבן אין די געהיימע צעטלען פון דער פאָליציי. מען האָט מיך נאָכגעשפירט. מיר איז אויסגעקומען צו אַרבעטן אין די אַרבעטער־קרייזלעך און אין דער זעלבשוץ און אַלע מאָל אויסצובאַהאַלטן זיך, איבערצוּוואַנדערן פון דירה צו דירה.

אין אָנהייב דעצעמבער בין איך שוין געווען געצוואונגען אַרויסצופאָרן פון וואַרשע אין דער שווייץ אויף אַ פרעמדן פאַס, כדי אויסצומיידן מיין אַרעסט. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די וואַרשעווער פרשה פון מיין לעבן און יוגנטקאַמף.

ק. מאָשקאָוויטש

„דער בלוטיקער מיטוואָך“

דער 15טער אויגוסט 1906 האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זכרון פון עלטערן דור וואַרשעווער און נאָך היינט מוז מען אויפציטערן ווען מען דערמאָנט דאָס שרעקלעכע בלוטבאָד וואָס דער צאַרישער גענ'־גובערנאַטאָר סקאַלאָן האָט איינגעאָרדנט אויף די וואַרשעווער גאַסן אין יענעם טראַגישן „בלוטיקן מיטוואָך“. אונטערן דאָזיקן נאָמען איז אַריבער אין דער געשיכטע דער גרויליקער טאָג ווען הער בלוטיקער סקאַלאָן האָט איבערגעגעבן די שטאָט אין הפקרדיקן רשות פון טרויעריק באַרימטן „וואָלינער פּאָלק“. דאָס איז געווען אַן ענטפער פון דער צאַרישער רעגירונג אויף די צאָלרייכע איבערפאַלן וועלכע די פּפּ״ס האָט דורך אירע ״באָיוווקעס„ דורכגעפירט אויף פּאָליצײַ און מיליטערלייט אויס נקמה צוליב דער גרויסער צאָל אַרעסטן פון אַרבעטער מצד דעם בלוטיקן צאַרישן רעזשים פון תליות און פּייניקונגען.

די סדקפּ'ל (סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון קעניגרייך פּוילן און ליטע) איז געווען אַנטשידן קעגן אַזעלכע טעראָר־אַקציעס קעגן מיליטער און פּאָליצײַ מצד די פּעפּעסישע באָיוווקעס, די גרויסע צאָל קרבנות, וואָס זענען געפאַלן אין „בלוטיקן מיטוואָך“, האָט טאַקע געוויזן דעם אומזין פון די נקמה־אַקציעס, וועלכע האָבן בלויז גורם געווען צו פאַרשטאַרקן דעם טעראָר פון די צאַרישע סאַטראַפּן און נאָך מער אָנצופילן די תפיסות.

ערב דעם שטורעם

די תליה אין ציטאַדעל האָט ניט גערוט. דער תלין האָט געהאַט אַ סך „אַרבעט“. די ציטאַדעל־קאַנצעלאַריע איז געווען באַלאַגערט פון אַ מאַסע פרויען: ווייבער, טעכטער, מוטערס פון די פאַרמשפּטע צום טויט.

— לאָזט אונדז זיך געזעגענען מיט אונדזערע מענער! מיר ווילן דאָס לעצטע מאָל אַ קוק טאָן אויף אונדזערע קינדער! מיר ווילן דאָס לעצטע מאָל אַרומהאַלדזן אונדזערע טאַטעס! — האָבן געוויינט און געשריגן די אומגליקלעכע פרויען.

— אַרויס פון דאַנען! — האָט געדונערט דער זשאַנדאַרמען־אָפיציר, — פאַרבאָטן זיך צו זען. מ'וועט זיי הרגענען — און שוין!...

פויסטן האָבן זיך געבײַלט, טרערן זענען שטאַרקער גערונען איבער פאַרצווייפלטע פרויען־פּנימער, ליפּן האָבן געשיקט אַ קללה די תלינים און הענט האָבן זיך הילפלאָז פאַרבראָכן אין שטומען ווייטיק.

די צאַרישע מאַכט אין וואַרשע האָט נישט צוגעלאָזט די קרובים זיך צו געזעגענען מיט די צום טויט פאַרמשפּטע.

אין די אויגוסט־טעג פון 1906 זענען פאָרגעקומען אַזוי פיל מאַסן־אַרעסטן, ווי נאָך קיין מאָל נישט אין די טעג פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז. מ'האָט געשלעפּט מענטשן פון דער גאַס, פון די קאַפעהייזער, פון די וואוינונגען, פון די גערטנער. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן האָט איינגעפירט קריגצושטאַנד. פאַר דער קלענסטער קלייניקייט איז מען געגאַנגען אויף דער תליה, פאַר נישט געפעלן אַ פּאָליציאַנט איז מען אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. די גאַנצע באַפעלקערונג איז געווען געפּענטעט פון דעם קריגצושטאַנד, וועלכער האָט זיך ווי אַ שווערער קאָשמאַר אַראָפּגעלאָזט אויף אַלעמענס קעפּ.

אין די רעוואָלוציאָנערע קרייזן האָט מען גערעדט וועגן נקמה. הויפּטזאַכלעך זענען געווען פאַר אַ טעראָר־אַקציע די פירער פון פּפּ״ס. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון פּוילן און ליטע איז געווען קעגן אָנווענדן טעראָר לגבי דער פּאָליצײַ און מיליטער. די פּפּ״ס דערקענן, האָט געהאַלטן אַז נאָר אַן אָרגאַניזירטער פּאָגראָם אויף דער פּאָליצײַ און מיליטער וועט אָפּשרעקן די צאַרישע מאַכט און וועט גלייכצייטיק נקמה נעמען פאַר אַזוי פיל פאַרגאָסן אַרבעטער־בלוט.

דינסטיק דעם 14טן אויגוסט, פאַר נאַכט, איז אין פּראַגע פאָרגעקומען אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע אַלס פּראָטעסט קעגן נישט צולאָזן די קרובים זיך צו זען מיט די צום טויט פאַרמשפּטע. מ'האָט געטיילט פּראָקלאַמאַציעס אין וועלכע מ'האָט גערופן „דעם וואַרשעווער פּראָלעטאַריאַט צו זיין גרייט אין טאָג פון 15טן אויגוסט“.

אין אַ סך געהיימע לאָקאַלן זענען דעם זעלבן אָוונט פאָרגעקומען פאַרזאַמלונגען פון די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס ביי די פּאָליטישע פּאַרטייען. ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן דורכפירן מאַסנהאַפטע אָנפאַלן אויף די פּאָליצייאישע און מיליטערישע פּאָסטנס. מ'האָט צווישן זיך פונאַנדערגעטיילט געווער און זיך צוגעגרייט צום מאָרגנדיקן טאָג, אין וועלכן ס'איז אויסגעפאַלן אַ קאַטוילישע חגא.

די וואַרשעווער באַפעלקערונג איז רואיק געשלאָפן און נישט געוואוסט וועגן דעם שטורעם וואָס דאַרף צו מאָרגנס אויסברעכן. קיינער פון די פּשוטע וואַרשעווער איינוואוינער האָט זיך נישט געריכט אויף דעם בלוטיקן טאַנץ וואָס דער אָנגעקומענער טאָג וועט זיי צוגרייטן.

דער פּאָגראָם אויף פּאָליצײַ און מיליטער

שוין זעקס אַ זייגער אין דער פרי האָבן זיך דערהערט אין די גאַסן די ערשטע רעוואָלווער־שאָסן.

דער הימל איז געווען אַ לויטערער. דער טאָג האָט זיך געגרייט צו זיין אַ הייסער, די זון האָט מיט יעדער מינוט אַלץ שטאַרקער געוואַרעמט, די לופט איז געווען דושנע און בריענדיק. אויף אַלע עקן פון די גאַסן זענען, ווי געוויינלעך אין דער צייט פון קריגצושטאַנד, געשטאַנען צוויי סאָלדאַטן מיט אַ פּאָליציאַנט. חוץ דעם האָבן זיך אַלע ווײַלע באַוויזן מיליטערישע פּאַטרולן, וועלכע האָבן רעווידירט פאַרדעכטיקע פאַרבייגייער, אַרעסטירט, געגעבן אַלס צולאָג אַ קלאַפּ מיטן „פּריקלאַד“.

ס'איז געווען זעקס פאַר טאָג. קיין שום אויסערגעוויינלעכס איז נישט געווען צו באַמערקן. די פּאָליציאַנטן מיט די סאָלדאַטן אויף די פּאָסטנס אין די עקן פון די גאַסן האָבן געגענעצט, אַ ביסל זיך געזידלט אויפן עכט רוסישן שטייגער. ס'האָבן זיך באַוויזן איינצלנע פאַרבייגייער. זייערע געזיכטער זענען געווען ערנסטע און אומרואיקע.

די גאַסן זענען ביסלעכווייז פולער געוואָרן. צוליבן קריסטלעכן יום־טוב האָט מען געזען אַ סך שפּאַצירנדיקע. די געוועלבער האָבן זיך געעפנט (דעמאָלט זענען די געשעפטן פריי אָפן געווען אין אַ חגא־טאָג), אין דער יידישער געגנט האָט זיך אָנגעהויבן דער געוויינלעכער רעש, יידן האָבן אַרויסגערוקט זייערע ביידלעך מיט סחורה, געעפנט די קראָמען, גענומען לייזן.

פּלוצלינג גיט מען זיך איבער פון מויל צו מויל, פּנימער דערשרעקן זיך, מ'שושקעט זיך: מ'שיסט אויף סאָלדאַטן! באַיאָווקעס הרגענען פּאָליציאַנטן! אין פּראַגע האָט מען געשאָסן אויף זשאַנדאַרמען!

מ'הערט זיך איין, מ'קוקט זיך אום — אין גאַס ווערט אַ בהלה!

דעם ערשטן סיגנאַל האָט געגעבן די פּאָרשטאָט פּראַגע. זעקס אַ זייגער אין דער פרי האָט זיך רואיק, מעשה פּריץ, שפּאַצירט אויף עק לובעלסקע און גראָכאָווסקע דער באַקאַנטער אין יענער געגנט באַן־זשאַנדאַרם ראָזוואַניוק.

ס'האָבן זיך דערנענטערט צו אים דריי יונגע־לייט און, אַרויסנעמענדיק פון די טאַשן דריי בלישטשענדיקע בראַונינגען, אויסגעשאָסן אין ראָזוואַניוקן, אַוועקלייגנדיק אים אַ טויטן אויפן אָרט.

בליץ שנעל האָבן די יונגע־לייט פאַרקערעוועט אין דער לובעלסקע און פאַרשוואונדן געוואָרן. די פאַרבייגייער האָבן זיך מורא געהאַט צו דערנענטערן צום דערהרגעטן זשאַנדאַרם, מורא האָבנדיק אַז מ'זאָל זיי נישט חושד זיין אין מאָרד, און זענען אַנטלאָפן.

דער מאַסנהאַפטער אָרגאַניזירטער פּאָגראָם אויף די צאַרישע דינער האָט זיך אָנגעהויבן. באַלד האָבן זיך אין אַלע גאַסן דערהערט רעוואָלווער־קנאַלן און אויף די טראָטואַרן זענען געבליבן די טויטע אָדער פאַרוואונדעטע קערפּערס פון די סטויקאָוועס (נידעריקע פּאָליציי־לייט), רעוויראָוועס, סאָלדאַטן, אָפיצירן און זשאַנדאַרמען. דער בלוטיקער נקמה־אַקט האָט אָנגעהויבן צו געבן די ערשטע פּרוכטן.

אין אַ האַלבער שעה שפּעטער, אַרום האַלב זיבן אַ זייגער אין דער פרי, האָט זיך צו דעם פּאָליצייאיש־מיליטערישן פּאָסטן אויף עק קעמפּנע און מאָסקיעווסקע דערנענטערט אַ יידישער יונגער־מאַן. דער פּאָסטן איז באַשטאַנען פון אַ פּאָליציאַנט מיט צוויי זעלנער. דער פּאָליציאַנט, דערזעענדיק ווי דער יידישער בחור דערנענטערט זיך צו אים, האָט געגעבן אַ געשריי:

— קודאַ? — (וואוהין?).

דער יונגער־מאַן האָט אָנשטאָט אַן ענטפער אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און אויסגעשאָסן גלייך צום פּאָליציאַנט, וועלכער איז אַנידערגעפאַלן אַ טויטער אויפן אָרט. די קויל האָט אים געטראָפן גלייך אין האַרץ אַריין.

דער יונגער־מאַן האָט גענומען אַנטלויפן. די צוויי סאָלדאַטן, וועלכע זענען געשטאַנען אויפן פּאָסטן מיטן פּאָליציאַנט, האָבן גענומען נאָכיאָגן דעם שיסער. דער יונגער־מאַן איז אָפּגעלאָפן עטלעכע צענדליק מעטער, הערנדיק כסדר הינטער זיך די געשרייען פון די סאָלדאַטן: „שטיי, מיר וועלן שיסן!" זעענדיק אַז די סאָלדאַטן זענען שוין נאָענט לעבן אים, איז ער אַריינגעלאָפן אין אַ יידיש געוועלב אויף דער מאָסקיעווסקע און זיך באַהאַלטן הינטער די פּלייצעס פון דער פאַרקויפערין, אַ יונג מיידל. אַריינלויפנדיק אין געוועלב, האָבן די זעלנער גענומען שיסן און אַוועקגעלייגט דאָס מיידל אַ טויטע אויפן אָרט. דער שיסער האַבערגריץ איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן. די סאָלדאַטן האָבן אים אַרויסגעשלעפּט פון געוועלב און דעם פאַרוואונדעטן געהאַקט מיט די קאָלבעס איבערן קאָפּ. דער שיסער איז אונטער אַ וואַך פון פּאָליציי אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל.

באַלד נאָך דעם דאָזיקן געשעעניש זענען דריי יונגע־לייט אויף אָסטראָוויעצקע־גאַס, אין פּראַגע, צוגעגאַנגען צום רעוויראָווע פון יענער געגנט, קאַפּיטאַן. דער דאָזיקער חברה־מאַן איז געווען שטאַרק פאַרהאַסט אין דעם אָרטיקן אַרבעטער־קוואַרטאַל, אַנטוענדיק אַלעמען געברענטע צרות. איינער פון די יונגע־לייט האָט זיך דערנענטערט נאָענט צום רעוויראָווע און אַ פרעג געטאָן:

— איר וועט נאָך שלאָגן אַרבעטער?

דער רעוויראָווע האָט פאַרשטאַנען מיט וואָס די דאָזיקע פראַגע שמעקט. ער האָט געוואָלט אַרויסכאַפּן דעם רעוואָלווער, אָבער אין דער זעלבער סעקונדע האָבן די דערנעבן שטייענדיקע יונגע־לייט צו אים אויסגעשאָסן. ער איז אַנידערגעפאַלן, באַגיסנדיק זיך מיט בלוט. די יונגע־לייט האָבן גענומען אַנטלויפן. דער רעוויראָווע, זייענדיק בלויז לייכט פאַרוואונדעט אין די פיס, האָט די יונגע־לייט נאָכגעשאָסן און איינעם פון זיי פאַרוואונדעט. די חברים האָבן מיטגענומען זייער פאַרוואונדעטן חבר און אַנטלאָפן אויף אַ פאַרבייפאָרנדיקער דראָזשקע, נאָך וועלכער דער רעוויראָווע האָט כסדר נאָכגעשאָסן.

אַרום האַלב ניין אין דער פרי האָבן צוויי „באַיאָווצעס" (מיטגלידער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע) אויף זאַמקאָווסקע געשאָסן צום רעוויראָווע ניקאָלסקי. די שאָסן האָבן נישט געטראָפן. די „באַיאָווצעס" האָבן גענומען אַנטלויפן אין דער ריכטונג צו דער ראַדזימינסקע. עטלעכע אָנקומענדיקע זעלנער האָבן זיי פאַרשטעלט דעם וועג און געכאַפּט.

דער פּאָגראָם אויף דער פּאָליציי האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. די גאַנצע אַקציע האָט זיך איצט איבערגעטראָגן אין צענטער פון דער שטאָט. אַ פּחד איז געפאַלן אויף די פּאָליצייאישע און מיליטערישע פּאַטרולן. אַ סך האָבן געוואָלט אַנטלויפן פון די פּאָסטנס און געזוכט אַ געלעגנהייט דאָס צו טון. ביים ערשטן שאָס וואָס די דאָזיקע פּאָליציאַנטן האָבן געהערט זענען זיי באַלד אַנטלאָפן פון פּאָסטן.

דעם ערשטן רושם אין דער יידישער געגנט האָט געמאַכט דער מאָרד איבערן רעוויראָווע פון פערטן צירקל, פּעטער דאַנצעוו, וועלכער איז געווען פאַרהאַסט ביי אַלע איינוואוינער פון דער נאַלעווקער געגנט.

ס'איז געווען ניין אַ זייגער אין דער פרי. דער דאָזיקער דאַנצעוו איז געשטאַנען אויף עק נאַלעווקעס און שוו'־יערסקע. מיט אים צוזאַמען זענען געשטאַנען צוויי הויכע סאָלדאַטן פון וואָלינער פּאָלק. דער רעוויראָווע האָט מיט זיינע שפּיזיקע אויגן באַטראַכט די פאַרבייגייער. ער האָט נאָך וועגן די שיסערייען אין פּראַגע נישט געוואוסט. ער האָט זיך געהאַלטן חוצפּהדיק און געזידלט כמעט יעדן יידישן פאַרבייגייער. פון דער זייט פון די נאַלעווקעס האָבן זיך דערנענטערט צוויי יונגע־לייט. זיי זענען געגאַנגען מיט שנעלע און ענערגישע טריט. פּלוצלינג האָבן זיך דערהערט דריי קנאַלן. אויף דער גאַס איז געוואָרן אַ בהלה. מענטשן האָבן גענומען לויפן אין די טויערן. אויפן טראָטואַר איז געלעגן אין אַ קאַלוזשע בלוט, מיט אַ דורכגעשאָסענעם קאָפּ, דער דערהרגעטער רעוויראָווע. די צוויי סאָלדאַטן זענען אַ וויילע געבליבן שטיין צעשראָקענע און נישט געוואוסט וואָס צו טון. די צוויי יונגע־לייט האָבן זיך אויסגעמישט מיט דעם לויפנדיקן עולם. ווען די סאָלדאַטן זענען צו זיך געקומען פון שרעק, האָבן זיי שוין קיינעם נישט געזען. די גאַס איז געווען פּוסט. די שיסער זענען פאַרשוואונדן.

כמעט אין דער זעלבער צייט האָט זיך צום פּאָליציאַנט, וועלכער איז געשטאַנען צוזאַמען מיט צוויי סאָלדאַטן אויף עק דזשיקע און גענשע, דערנענטערט אַ יידיש מיידל און איידער דער פּאָליציאַנט האָט באַמערקט צו זען וואָס דאָס מיידל טוט, האָבן זיך דערהערט פיר הילכיקע רעוואָלווער־שאָסן שנעל איינער נאָכן אַנדערן. די פאַרבייגייער האָבן אָנגעהויבן צו לויפן און מיט שרעק דערזען פאָלגנדיק בילד: אויפן טראָטואַר זענען געלעגן אויסגעצויגן די קערפּערס פון פּאָליציאַנט און פון די 2 סאָלדאַטן. 1 סאָלדאַט האָט נאָך געלעבט און ער האָט, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף דער ביקס, נאָכגעשאָסן צום אַנטלויפנדיקן מיידל. דאָס מיידל האָט זיך עטלעכע מאָל אַראָפּגעבויגן, כדי אויסצומיידן די קוילן, און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין דעם קופּיעצקע־געסל.

די מיטגלידער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע ביי דער פּפּ"ס האָבן זיך געלאָזט איבער דער שטאָט און ווייטער געפירט דעם בלוטיקן שניט איבער די פּאָליצייאישע און סאָלדאַטישע קעפּ. די רעוואָלווער־ און ביקסן־קנאַלן זענען געוואָרן פון מינוט צו מינוט אָפּטער, די שפּאַצירנדיקע און פאַרבייגייער אויף דער גאַס האָבן גענומען לויפן אַהיים. אַלע האָבן פאַרגעפילט אַז עס הייבט זיך אָן אַ שרעקלעכער, אַ מוראַדיקער טאָג. אַ טייל געוועלבער האָבן זיך גענומען פאַרמאַכן. גייענדיק האָט מען כסדר אָנגעטראָפן אויף „באַ־

יאַווקעס", וועלכע האָבן געשאָסן צו פאַרבייגייענדיקע פּאַטרולן, צו פּאָליציאַנטן און אָפיצירן. די בהלה אין שטאָט האָט גענומען וואַקסן פון מינוט צו מינוט. דער שטורעם האָט זיך דערנענטערט, שוואַרצע וואָלקנס פון בלוט, שרעק און אַנגסט האָבן זיך אָנגעהויבן צו קנוילן איבער די קעפּ פון די וואַרשעווער איינוואוינער.

ס'איז דערווייל צען אַ זייגער אין דער פרי און שוין דערציילט מען זיך פון מויל צו מויל וועגן אַ סך געהרגעטע פּאָליציאַנטן און סאָלדאַטן, מיט שרעק גיט מען אויך איבער אַז דאָ און דאָרט האָט מען געזען ליגן טויטע קערפּערס פון ציווילע מענטשן. וואו? ווער? מען ווייסט נאָך נישט, קיינער קאָן נישט קלאָר זאָגן, מען איילט זיך אַהיים, די שרעק ליגט ביי יעדן אין די אויגן, אָבער מען ווייסט שוין אויף זיכער אַז ס'זענען דאָ אויך אומשולדיקע קרבנות פון דער ציווילער באַפעלקערונג.

די זון ברענט, דער טאָג איז אַ הייסער, די דעכער גליען פון די זונשטראַלן. אין אַזאַ טאָג, נאָך דערצו אין אַ חגא־טאָג, זענען די וואַרשעווער גאַסן פול מיט שפּאַצירנדיקע. איצט גייט יעדער איינער מיט שנעלע טריט, מ'קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, און הערט מען אַ שאָס, נעמט מען לויפן אין טויערן אַריין. דערווייל האָבן נאָך די סטרוזשעס נישט באַקומען קיין באַפעל צו שליסן די טויערן, דערווייל קאָן מען זיך נאָך באַהאַלטן פון דער רעוואָלווער־ און ביקסן־קאַנאָנאַדע.

— וואָס הערט זיך? פון וואַנען גייט איר? איז דאָרטן רואיק?

— רינגלט מען אַרום אַ יונגן־מאַן, וואָס קומט פון דער מאַרשאַלקאָווסקע.

— מ'שיסט. ס'פאַלן פּאָליציאַנטן, — ענטפערט ער מיט אַ סודותפולער שטים, ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו רעדן. — אויף האַזשע, אויף פּרוזשנע, אויף נאָוואָוויעיסקע — זיי פאַלן ווי די פליגן.

און מען דערוויסט זיך: אויף עק פּרוזשנע און מאַרשאַלקאָווסקע איז געשטאַנען דער פּאָליציאַנט פראַנטשאַק מיט דריי סאָלדאַטן. געווען איז עס צען אַ זייגער. אויף דער גאַס האָט מען נאָך געזען אַ סך שפּאַצירנדיקע, וועלכע האָבן נאָך נישט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אין די אַנדערע טיילן פון שטאָט. און אָט האָט זיך באַוויזן אַ יידישער יונגער־מאַן, ער איז צוגעלאָפן צו אַ פריילין, אַריינגעשטעקט זיין האַנט אונטער איר אָרעם און אַזוי אַרום גענומען שיסן אויף פראַנטשאַקן מיט די סאָלדאַטן. די פריילין האָט פאַר שרעק אָנגעהויבן צו ספּאַזמירן. דער שיסער האָט דערווייל באַוויזן אָפּצוגעבן פון הינטער איר אָרעם פינף שאָסן. דער פּאָליציאַנט מיט איין סאָלדאַט זענען באַלד אַוועקגעפאַלן טויטע אויפן אָרט, די אַנדערע צוויי סאָלדאַטן זענען געוואָרן שווער פאַרוואונדעט. זיי האָבן נאָך באַוויזן אָפּצוגעבן צוריק צוויי שאָסן און פאַרוואונדעט דעם שיסער. דער יידישער יונגער־מאַן איז אַנידערגעפאַלן, ער האָט פּרובירט זיך אויפהייבן און געמאַכט אַ באַוועגונג צו אַנטלויפן, אָבער ער איז ווידער אומגעפאַלן, באַגיסנדיק זיך מיט בלוט. תיכף איז אָנגעלאָפן אַ מיליטערישער פּאַטרול, וועלכע האָט דעם שיסער אָפּגעפירט אין אויאַזדאָווער שפּיטאָל. שפּעטער האָט מען זיך דערוואוסט אַז ער הייסט ישעיה גאָלדמאַן.

ביז צוועלף ביי טאָג האָט מען שוין אויך געוואוסט אַז אויף פּלאַץ זבאַוויטשעלאַ האָט מען דערהרגעט אַ זשאַנדאַרם, אַז 11 אַ זייגער האָט מען אויף האָזשע 7 אַוועקגעלייגט אַ טויטן דעם פּאָליציי־פעלדפעבל פון 9טן צירקל, גלאָק, אַז האַלב צוועלף האָט מען ביי דער קערבעדזש־בריק אין פּראַגע דערשאָסן דעם „סטויקאָווע" באַנדאַריק, אַז אין וואָליע האָט מען אַוועקגעלייגט פיר זשאַנדאַרמען און צוויי פּאָליציאַנטן.

אָט לויפט אַ פאַרשוויצטער, עלטערער ייד, ער סאָפּעט שווער. די פּאָלעס פון זיין קאַפּאָטע פליען. זיין געזיכט איז פול מיט שרעק. אויף עק פראַנציסקאַנער און נאָוויניאַרסקע שטעלן אים אָפּ אַ גרופּע פאַרבייגייער.

— פון וואַנען ר' ייד? איז עפּעס דאָרט געשען? דערציילט! — פרעגט מען.

— פרעגט נישט, פרעגט נישט, יידן, — קאָן דער ייד קוים רעדן און ווישט זיך מיט אַ גרויסער פּאַטשיילע דעם שווייס פון שטערן, — מיינע אויגן זאָלן עס מער נישט זען וואָס כ'האָב געזען!

— וואָס האָט איר געזען? דערציילט!

דאָס געזעמל אַרום ייד ווערט גרעסער, מ'האָט אַפילו מורא צו שטיין, אָבער די נייגעריקייט איז מנצח דאָס געפיל פון געפאַר. דער ייד דערציילט:

— כ'גיי פון אַלטשטאָט. לעבן מיר האָט מען אַוועקגעלייגט אַ סטויקאָווע. צוויי קוילן, גלייך אין קאָפּ אַריין. כ'האָב גענומען לויפן, לעבן מיר איז געלאָפן נאָך אַ ייד. סאָלדאַטן „וואָלינצעס", האָבן גענומען שיסן. כ'גיב אַ קוק — דער ייד לעבן מיר גיט אַ געשריי און פאַלט אַנידער אָן חיות. אַ קויל האָט אים געטראָפן גלייך אין דער שלייף אַריין. צי מעג איך נישט גומל־בענטשן, יידן? — קרעכצט דער דערציילער שווער אָפּ.

— געוויס, געוויס, — באַשטעטיקן אַלע. — איר האָט דאָך אויך געקאָנט דערשאָסן ווערן!

— אַ האָר פעלט בין איך אויך אַ טויטער! — ווישט זיך דער אָרעמער ייד דעם שווייס פון שטערן.

פון דער ווייטנס באַווייזט זיך אַ פּאַטרול, דער עולם צעלויפט זיך אין די טויערן, ס'הערן זיך עטלעכע שאָסן. אַ בחור פאַלט אַנידער מיט אַ דורכגעשאָסענעם פוס.

אין אַ טויער אויף לעשנע, וואו ס'באַהאַלטן זיך עטלעכע אַנטלויפנדיקע, דערציילט אַ יונגער־מאַן און אַלע הערן זיך צו מיט נייגעריקייט און גלייכצייטיקער שרעק.

— איר האָט געהערט די שאָסן אויף סאָלנע? דאָס האָט מען אַוועקגעלייגט אַ טויטן דעם גראָבן רעווירקאָווע פון 3טן צירקל. כ'האָב אַליין געזען ווי אַן עלעגאַנט־געקליידעטע דאַמע האָט זיך דערנענטערט צום רעווירקאָווע ווען ער איז געשטאַנען ביים טויער פון סאָלנע 10. זי האָט אַרויסגענומען פון בוזעם אַ רעוואָלווער און גלייך גענומען שיסן אין דעם רעווירקאָווע. ער האָט אויפגעהויבן די הענט און זיך תיכף אויסגעצויגן אין דער גאַנצער ברייט פון דער גאַס. די דאַמע איז מיט שנעלע טריט אַריין אין אָגראָדאָווע. באַלד האָט מען אָנגעהויבן צו יאָגן און צו שיסן.

די באַהאַלטענע אין טויער האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ, כדי צו זען צי מען קאָן שוין אַרויסגיין אין גאַס. אָבער אין דעם זעלבן מאָמענט האָבן זיך ווידער דערהערט עטלעכע ביקסן קנאַלן און דער דערשראָקענער עולם איז צוריק אַריינגעלאָפן אין טויער, טרעטנדיק איינער אויפן אַנדערן.

צוויי באָמבעס

אַרום 1 ביי טאָג האָט זיך אין דער געגנט פון כלאָדנע־וואָלסקע דערהערט אַ מוראדיקער קראַך, אין אַ צען סעקונדעס נאָך דעם האָט זיך דערהערט אַ צווייטער קראַך, וועלכער איז געווען נאָך שטאַרקער פון ערשטן. פון אַלע זייטן האָט זיך געהערט אַ געקלינגעריי און אַ געברומזעריי פון אויסגעהאַקטע שויבן. די פאַרבייגייער אויף דער גאַס האָבן גענומען לויפן אין אַ ווילדער בהלה, אויסבאַהאַלטנדיק זיך אין די טויערן, געוועלבער, רעסטאָראַנען, קאַוויאַרניעס און ביידלעך. קיינער האָט אין דער ערשטער מינוט נישט געוואוסט וואָס ס'איז געשען.

— מ'האָט געוואָרפן אַ באָמבע! — האָט מען געשריגן — אַ באָמבע!

— וואו? וואו האָט מען געוואָרפן? — האָבן אַנדערע געפרעגט.

מ'איז געשטאַנען צוזאַמענגעפּרעסטע אין די טויערן און אַרויסגעזאָגט פאַרשידענע השערות.

ערשט אין עטלעכע שעה אַרום האָט מען זיך דערוואוסט וואָס ס'איז געשען, וואו מ'האָט געוואָרפן די צוויי באָמבעס, און מ'האָט זיך דערציילט וועגן דעם שרעקלעכן חורבן וואָס די באָמבעס האָבן אָנגעמאַכט.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך נישט באַנוגנט מיטן שיסן אויף איינצלנע פּאָליציי־ און מיליטער־פּאָסטנס. זיי האָבן מיט איין באָמבע געוואָלט אומברענגען אַ פּאָר צענדליק פּאָליציי־לייט מיט אַ מאָל און דערביי חרוב מאַכן דעם פאַרהאַסטן פּאָליציי־צירקל אין

וואַרשע, דעם 7טן צירקל, וואו מ'פּלעגט אויף אַן אכזריותדיקן אופן באַהאַנדלען אַרעסטירטע רעוואָלוציאָנערן.

דער דאָזיקער פּאָליציי־צירקל האָט זיך געפונען אויף דער כלאָדנע־גאַס. די פענצטער פון דער קאַנצעלאַריע און די אַמטן האָבן זיך געפונען אויף דער גאַס, אין פּאַרטער. צווישן צוועלף און איינס בייטאָג איז דער לאָקאַל פון צירקל פול געווען מיט באַאַמטע, פּאָליציאַנטן, רעוויראָוועס און זשאַנדאַרמען. אין אַ באַזונדערן קאַבינעט איז געזעסן דער קאָמיסאַר פוקס.

עטלעכע מינוט פאַר איינס האָט אימעצער אַריינגעוואָרפן אין איינעם פון די קאַנצעלאַריע־פענצטער אַ שטיין, אויסהאַקנדיק אַ שויב. דאָס איז געטון געוואָרן מצד די „באָיאָווצעס” מיט אַן אויסרעכענונג, כדי די באָמבע וואָס וועט ווערן געוואָרפן זאָל נישט דאַרפן אויסהאַקן די שויב און אויפרייסן אין דרויסן, נאָר גלייך אַריינפאַלן אין צימער און אינעווייניק אויפרייסן.

איינער פון די סאָלדאַטן האָט געוואָלט צולויפן צום פענצטער כדי צו זען ווער ס'האָט געוואָרפן דעם שטיין, אָבער אין דער זעלבער סעקונדע איז דורך דעם לאָך פון דער אויסגעהאַקטער שויב אַריינגעפלויגן עפּעס אַ שוואַרצע, קיילעכדיקע זאַך, ס'האָט זיך דערהערט אַ מעכטיקער דונער און פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהויבן פאַלן שטיקער טינק, גלאָז, האָלץ, טינטערלעך. דאָס גאַנצע צימער און אַלע שכנותדיקע צימערן זענען אָנגעפילט געוואָרן מיט רויך און שטויב. די טירן און פענצטער זענען אויסגעריסן געוואָרן פון די פּוטרינעס. ז'האָבן זיך דערהערט קרעכצן, געשרייען און זידלערייען. פון אַלע צימערן האָט מען אָנגעהויבן צו לויפן מיט בלוטיקע קעפּ, פאַרוואונדעטע פּנימער, אָפּגעריסענע פינגער און צעפליקטע מלבושים.

אין דער זעלבער מינוט איז אין טויער פון צירקל געוואָרפן געוואָרן די צווייטע באָמבע, וועלכע האָט אויפגעריסן מיט אַ שרעקלעכן קראַך און צעשמעטערט אויף פּיצלעך דעם סאָלדאַט, וואָס איז דאָרט געשטאַנען אויף דער וואַך, און גלייכצייטיק שווער פאַרוואונדעט עטלעכע פּאָליציאַנטן וועלכע האָבן זיך געפונען אויפן צירקלהויף.

די בהלה איז איצט געוואָרן נאָך גרעסער. די נישט־פאַרוואונדעטע און לעבן געבליבענע פּאָליציאַנטן און באַאַמטע זענען געלאָפן אין אַלע זייטן, זוכנדיק אַן אָרט זיך צו באַהאַלטן פאַר דער עווענטועלער דריטער באָמבע... די פאַרוואונדעטע האָבן געקרעכצט, אָבער אין דער ערשטער מינוט האָט זיי קיינער נישט געגעבן קיין הילף ווייל יעדער האָט געזוכט אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען זיין אייגן לעבן.

דער באָמבע־אויפרייס אין טויער פון צירקל האָט אויך פאַרוואונדעט עטלעכע ציווילע פאַרבייגייער אויף דער גאַס, וועלכע זענען געבליבן ליגן אויפן טראָטואַר אין קאַלוזשעס בלוט. דער גאַנצער לאָקאַל פון 7טן צירקל און דער שטח גאַס דערנעבן האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ חורבה. די ווענט זענען געשטאַנען האַלב איינגעפאַלן, דער סופיט איז געווען געשפּאָלטן און האָט געדראָט אַ ליאַדע מינוט אַראָפּצופאַלן, די פּאָדלאָגע איז געווען אויסגעריסן שטיקערווייז, אויף ד'ערד האָבן זיך געוואַלגערט צעשמעטערטע טישן, בענקלעך, צעפליקטע, האַלב פאַרברענטע פּאַפּירן און שטיקער סחורה פון צעריסענע מלבושים.

די אָנגעקומענע דריי קאַרעטעס פון דער פּאָגאָטאָוויע האָבן געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעט. עטלעכע שעה האָבן די דאָקטוירים געאַרבעט ביים געבן די ערשטע הילף און פאַרבאַנדאַזשירן די וואונדן פון די 25 פאַרוואונדעטע פּאָליציאַנטן און באַאַמטע. אויך דער קאָמיסאַר פוקס האָט באַקומען אַ וואונד אין דעם רעכטן אָרעם.

אין צוואַנציק מינוט אַרום איז די גאַנצע כלאָדנע־גאַס באַלאַגערט געוואָרן מיט אַ מאַסע מיליטער און פּאָליציי. די גאַס איז פון ביידע זייטן פאַרמאַכט געוואָרן און די סאָלדאַטן פון וואָלינער פּאָלק האָבן באַקומען אַ באַפעל צו שלאָגן און צו שטעכן וועמען מ'וועט נאָר אָנטרעפן. נישט קאָנענדיק כאַפּן די באָמבע־וואַרפערס, האָבן די האַלב שיכורע „וואָלינצעס” זיך געלאָזט אויף ביידע זייטן גאַסן און גענומען אומברחמנותדיק שלאָגן און שטעכן מיט די שפּיזן פון די ביקסן די שוצלאָזע, צעשראָקענע פאַרבייגייער. די סאָלדאַטן האָבן זיך געלאָזט נאָך דעם אַנטלויפנדיקן עולם אין די טויערן און געקאַטעוועט מיט קאָלבעס איבער די קעפּ, געשטאָכן מיט די שפּיזן אין די רוקנס פון די אַנטלויפנדיקע. די קרעכצן און געוואַלדן פון די באַפאַלענע האָבן זיך אויסגעמישט מיט די הוראַ־אויסגעשרייען פון די ווילדע „וואָלינצעס”. איבער דער כלאָדנע זענען געלעגן אויסגעלייגט ביז צוואַנציק שווער פאַרוואונדעטע מענטשן, וועלכע קיינער האָט זיך נישט געאיילט צו געבן הילף, ווייל ערשטנס איז די פּאָגאָטאָוויע געווען פאַרנומען מיט באַנדאַזשירן די פאַרוואונדעטע אין צירקל און צווייטנס איז דער גאַנצער אָפּשניט פון דער גאַס, פון זשעלאַזנע ביז סאָלנע, געווען פאַרמאַכט דורך קאָרדאָנען מיליטער. מ'האָט קיינעם נישט אַריינגעלאָזט נישט אַרויסגעלאָזט. די פאַרוואונדעטע זענען פון מינוט צו מינוט אַלץ מער אָפּגעגאַנגען אין בלוט און אָנגעהויבן צו גוססן.

דאָס איז געווען דער ערשטער ענטפער פון דעם מיליטער אויפן טעראָר פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דער בלוטיקער טאַנץ פון באַרימטן וואָלינער פּאָלק האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, די כוואַליע פון הריגות און שחיטות האָט זיך גענומען ווילד צעבושעווען איבער די גאַסן פון וואַרשע.

דער פּאָגראָם אויף די צאַרישע דינער האָט נאָך געדויערט און שוין האָט זיך אָנגעהויבן דער קעגנאָנגריף מצד דעם מיליטער. אָבער דער דאָזיקער בלוטיקער אָנגריף איז געווענדט געוואָרן בלויז אויף דער שוצלאָזער, רואיקער באַפעלקערונג, אויף קינדער און זקנים, אויף שוואַנגערע פרויען און צופעליקע פאַרבייגייער. אַ שרעקלעכן, גרוילעכן בלוטשטייער האָט די וואַרשעווער באַפעלקערונג באַצאָלט פאַר דעם פּאָגראָם אויף דער פּאָליציי און מיליטער וואָס די „באָיאָווצעס” פון פּפּ"ס האָבן איינגעאָרדנט.

אַרום צוויי אַ זייגער ביי טאָג זענען די מיליטערישע און פּאָליצייאישע פּאָסטנס געווען אַזוי אָנגעשראָקן אַז זיי זענען אַנטלאָפן פון זייערע ערטער. אויף טאַמקע האָבן עטלעכע יונגע־לייט אַנטוואָפנט אַ סאָלדאַט. דער צווייטער סאָלדאַט מיט אַ פּאָליציאַנט האָבן אַפילו נישט געפּרוווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד נאָר זענען אַנטלאָפן. אויף עק וואָראָניע און כלאָדנע זענען פינף יונגע־לייט מיט אויסגעשטרעקטע ברוינינגען צוגעגאַנגען צו דעם פּאָליציאַנט מיט די צוויי זעלנער וואָס זענען דאָרט געשטאַנען און געפאָדערט אָפּצוגעבן דאָס געווער. דער פּאָליציאַנט און די צוויי סאָלדאַטן האָבן, נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, כהרף־עין אויסגעפירט דעם באַפעל. איינער פון די סאָלדאַטן האָט געבעטן:

— דערשיסט נישט, מיר וועלן אייך אַלץ אָוועקגעבן!

האַלב דריי ביי טאָג האָט מען שוין אין שטאָט געוואוסט אַז פון די הענט פון די „באָיאָווצעס” זענען געפאַלן טויט: 16 פּאָליציאַנטן, 5 רעוויראָוועס, 7 זשאַנדאַרמען און 8 סאָלדאַטן. פאַרוואונדעט זענען געוואָרן 8 פּאָליציאַנטן, 2 רעוויראָוועס, 2 זשאַנדאַרמען, 6 סאָלדאַטן און 2 אָפיצירן.

אָבער גלייכצייטיק האָט מען זיך אָנגעהויבן איבערצוגעבן שרעקלעכע ידיעות וועגן אָנפאַלן פון „וואָלינצעס” אויף שוצלאָזע, אומשולדיקע פאַרבייגייער. די גאַסן האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוליידיקן פון מענטשן־געווימל, די פענצטער האָבן זיך פאַרמאַכט, די טויערן האָבן זיך פאַרהאַקט, די געוועלבער האָבן זיך גענומען שליסן איינס נאָכן אַנדערן. דער בלוטיקער טעראָר פון די צאַרישע סאָלדאַטן האָט זיך אָנגעהויבן. אויף די גאַסן האָבן גענומען ווילדעווען די פּעסטע, הויכע, געזונטע „וואָלינצעס” אונטער דער אָנפירונג פון שיכורע אָפיצירן.

די בלוטיקע אָרגיע

פיר אַ זייגער ביי טאָג האָבן די רעוויראָוועס באַפוילן די סטרוזשעס צו פאַרמאַכן די טויערן. גלייכצייטיק איז אַרויס אַ פאַראָרדענונג פון וואַרשעווער אָבערפּאָליצמייסטער אַז אַלע רעסטאָראַנען, טעאַטערס און עפנטלעכע לאָקאַלן מוזן ווערן געשלאָסן ניין אַ זייגער אין אָוונט. אָבער ווער האָט אין דעם דאָזיקן שרעקלעכן אָוונט באַזוכט אַן עפנטלעכן לאָקאַל? אַלע האָבן זיך פאַרמאַכט אין די הייזער און מיט ציטער און שרעק זיך צוגעהערט צו כסדרדיקע שיסערייען פון די „וואָלינצעס”, צו די קרעכצן און געוואַלדן פון די געשלאָגענע און פאַרוואונדעטע.

די גאַסן זענען געוואָרן פּוסט און אויסגעשטאָרבן. אָט האָט מען געזען לויפן אַ דערשראָקענעם מענטש, וועלכער האָט זיך געשלייכט ביי דער וואַנט און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ צוגעלאָפן צום טויער פון זיין הויז, קלינגענדיק האַסטיק אַז דער סטרוזש זאָל אים אַריינלאָזן. אויפן באַפעל פון די פּאַטרולן האָט מען געמוזט פאַרמאַכן די פענצטער און אַראָפּלאָזן די ראָלעטן. איז ערגעץ אַ פענצטער געווען אָפן, האָבן די סאָלדאַטן אַריינגעשאָסן אין דער וואוינונג אַריין.

דאָס גאַנצע רוישיקע לעבן פון דער שטאָט איז מיט אַ מאָל געוואָרן אָפּגעשטאָרבן. אַרום איינס אַ זייגער ביי טאָג איז אַ קאָזאַקן־אָפּטיילונג אַריין אין די לאַזשענקעס, וואו ס'האָט זיך צוליב חגא געפונען אַ גרויסער עולם שפּאַצירנדיקע. די סאָלדאַטן האָבן אויף זייער ווילדן שטייגער גענומען יאָגן דעם עולם און אַרויסטרייבן די שפּאַצירנדיקע פון פּאַרק. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען אין אַלע שטאָטישע גערטנער און פּאַרקן, וועלכע זענען תיכּף געשלאָסן געוואָרן. אויף די טראָטואַרן פון מאַרשאַלקאָווסקע, קרולעווסקע, גראַניטשנע זענען אַרומגעפלויגן די קאָזאַקישע פּאַטרולן און געטריבן און געשלאָגן דעם עולם שפּאַצירנדיקע.

די שטאָט איז אַריבער אין רשות פון וואָלינער פּאָלק. דער ספּעציעלער מיליטערישער גובערנאַטאָר וואָינאַלאַרסקי האָט געהאַלטן פאַר די סאָלדאַטן אַ רעדע אין וועלכער ער האָט געזאָגט: „זייט וויסן, סאָלדאַטן, אַז יעדער וואַרשעווער איינוואוינער איז אייער שונא. וועט איר אים נישט שלאָגן, וועט ער אייך שלאָגן. קאַטעוועט אומברחמנותדיק, שלאָגט וועמען איר וועט נאָר אָנטרעפן, קיין שום רחמנות זאָל נישט זיין! אויב איר וועט זיך אויפפירן ווי געהעריק וועט יעדער פון אייך באַקומען אַ באַלוינונג און אַן אויסצייכענונג”.

ווי אַ ווילדע האָרדע האָבן זיך די סאָלדאַטן אַרויסגעלאָזט איבער די גאַסן פון דער שטאָט. די פּאָליצייאישע פּאַטרולן זענען צוריקגעצויגן געוואָרן. וואַרשע איז איבערגעגאַנגען אין רשות פון מיליטערישן גובערנאַטאָר. מיט דער גאַנצער אַקציע פון דעם בלוטיקן טעראָר איבער דער שוצלאָזער באַפעלקערונג האָט אָבער פּאַקטיש אָנגעפירט דער באַקאַנטער צאַרישער סאַטראַפּ, דער גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן.

אַ טויער האָט זיך געעפנט, אַ מענטש איז אַ פאַרסאָפּעטער אַריינגעלאָפן אין הויף אַריין. די איינוואוינער פון הויז האָבן אים אַרומגערינגלט. מ'האָט זיך געשושקעט, רעדן הויך איז געווען אַ מורא, די „וואָלינצעס” האָבן געקאָנט אויפברעכן דאָס טויער און אַלעמען אויסשיסן.

— פון וואַנען גייט איר? וואָס הערט זיך? — זענען געפאַלן פראַגעס פון אַלע זייטן.

— פון גזשיבאָוו, — דערציילט דער געקומענער און זיין געזיכט איז טויט בלאַס — קוים זיך אַדורכגעקריגן. ביי אַלע ראָגעס שטייען פּאַטרולן צו צען און פופצן מאַן. מ'שלאָגט, מ'שטעכט, מ'שיסט! כ'האָב אַליין געזען עטלעכע טויטע ליגן אין די רינשטאָקן. כ'ווייס אַליין נישט ווי אַזוי כ'האָב מיך דורכגעקריגן. טאַקע מיט אַ נס. כ'האָב געזאָגט אַז מיין פרוי גייט צו קינד און איך לויף נאָך אַן אַקושערקע — האָט מען מיך דורכגעלאָזט. פון דעסט וועגן האָב איך באַקומען עטלעכע קלעפּ מיטן „פּריקלאַד”. פרעגט נישט ווי די פּלייצעס טוען מיר וויי! אָבער כ'האָב מיך אַדורכגעריסן דורך דער בראַנד!

אין אַ שטוב איז אַריינגעפאַלן נישט טויט נישט לעבעדיק אַ יונגער בחור. ער האָט שווער געאָטעמט און נישט געקאָנט רעדן. איין אויג איז געווען פאַרבלוטיקט און אונטערגעהאַקט. די שטוב־מענטשן זענען צו אים צוגעפאַלן, גענומען באַנדאַזשירן דאָס אויג און אָנגעהויבן אויספרעגן:

— דערצייל ווי אַזוי איז עס געשען? וואו איז עס פאָרגעקומען?

דאָס יינגל האָט שווער אָפּגעזיפּצט, געקומען צו זיך און דערציילט:

— אין דער פרי בין איך דאָך, ווי יעדן טאָג, אַוועק צו דער אַרבעט. געהערט ס'איז אומרואיק, מ'שיסט, האָב איך געוואוסט אַז מ'וועט אין שטוב איבערקלערן און באַשלאָסן צו גיין אַהיים. כ'גיי אַראָפּ אויף דער גאַס — פּוסט, מ'זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. אַ צאָן קלאַפּט מיר אָן אַ צאָן, אָבער איך גיי. נישט ווייט פון נאָוואָליפּקע טרעפט מיך אָן אַ פּאַטרול פון זעקס „וואָלינצעס” מיט אַן אָפיציר. זיי גייען צעוואָרפן איבער דער גאַס, דריי אויף איין טראָטואַר, דריי אויפן אַנדערן. איך זע שוין פון דער ווייטנס ווי זיי קוקן מיך אָן. טראַכט איך מיר: כ'וועל נעמען גיין צוריק. אָבער ווי נאָר איך דריי זיך אויס הער איך אַ ריטש פון אָפיציר: — „שטיין בלייבן!” איך בלייב שטיין און הענט און פיס ציטערן אונטער מיר. ווי נאָר דער אָפיציר האָט זיך דערנענטערט, האָט ער מיר דערלאַנגט אַזאַ הילכיקן פּאַטש אַז איך האָב דערזען פונקען פאַר די אויגן, און גלייך דערויף האָט מיר אַ זעלנער געגעבן אַ זעץ מיטן „פּריקלאַד” גלייך אין פּנים אַריין. איך האָב אָנגעהויבן צו וויינען און בעטן אַז מ'זאָל מיך מער ניט שלאָגן. דעמאָלט האָט דער אָפיציר אַ זאָג געטון צו מיר: — נו, אויף דיר האָב איך אַ ביסל רחמנות, אויף די אַנדערע וועל איך שוין קיין רחמנות נישט האָבן, נו, היידאַ, אַהיים! דערביי האָב איך באַקומען נאָך אַ זעץ מיטן „פּריקלאַד” אין דער פּלייצע אַריין. איך האָב מיך מורא געהאַט אָפּצושטעלן. איך בין שנעל ווייטער געלאָפן. ווען דער סטרוזש עפנט מיר נישט באַלד דאָס טויער, וואָלט איך געפאַלן אַ טויטער. אַ פּאַטרול האָט מיך דערזען פון דער ווייטנס און גענומען שיסן גלייך אויף מיר.

אַזעלכע דערציילונגען פון לעבן געבליבענע, לייכט פאַרוואונדעטע מענטשן האָט מען אין טאָג פון בלוטיקן מיטוואָך געקאָנט הערן הונדערטער מאָל. הונדערטער מענטשן האָבן שפּעטער דערציילט ווי אַזוי זיי זענען אויף אַ וואונדערלעכן אופן ניצול געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

אָט דערציילט אַ געוויסער משה ערליך, אַ קעלנער:

כ'האָב געאַרבעט אויף נאַלעווקעס 37. הערנדיק וועגן די אומרוען אין גאַס בין איך אַוועק אַהיים. איך קום אויף קופּיעצקע־גאַס — די גאַס איז אויסגעשטאָרבן פּוסט. פון דער דזשיקע דערגייט צו מיר אַן אָפּקלאַנג פון אַ שיסעריי, כ'נעם גיין מיט שנעלע טריט. איך קום צו צום ראָג פון קופּיעצקע, ס'גייט פאַרביי אַ פּאַטרול און שיסט. זעט אויס אַז דער פּאַטרול באַמערקט מיך נישט, ווייל ער גייט ווייטער און שיסט אין דער לענג פון גאַס, אָט סתם אַזוי, אין דער וועלט אַריין.

איך קום אַריין אין שטוב אַ פאַרסאָפּעטער און קען קוים רעדן פון דער איבערגעלעבטער שרעק. אָבער מיין שרעק ווערט נאָך גרעסער ווען איך דערזע אין מיין זומערדיק כאַלאַט, וואָס איך האָב געטראָגן, צוויי לעכער פון ביקסנקוילן! איך האָב אַליין נישט געפילט ווי די קוילן זענען לעבן מיר פאַרבייגעפלויגן און אַדורכגעלעכערט מיין מלבוש. אַ האָר האָט געפעלט, איך זאָל געהרגעט ווערן אויפן אָרט!

צעשראָקענע מיט בלאַסע פּנימער און אויפגעריסענע אויגן, לויפן אַדורך איינצלנע פאַרבייגייער די גאַס און הערן זיך צו מיט שוידער צו די ווילדע ריטשערייען פון די באַפאַלענע. מ'קוקט אַרויס דורך די שפּאַרעס פון די אַראָפּגעלאָזטע ראָלעטן און דאָס בלוט ווערט געפרוירן אין די אָדערן צוקוקנדיק זיך צו די גרוילעכע סצענעס, צו דער בלוטיקער אַרגיע, וועלכע עס פּראַווען די צאַרישע אָפיצירן און סאָלדאַטן איבער די גאַסן פון וואַרשע.

פיר טויטע אויפן טראָטואַר

— ווי אַזוי וועלן מיר פאָרן אין אַזאַ טאָג? — האָט געזאָגט די כלה צום חתן.

— ס'איז דאָך אַ מורא דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן! — האָבן דערקלערט דער כלהס עלטערן.

אָבער דער חתן האָט פאַרזיכערט אַז מען וועט נישט טשעפּען.

— וואָס הייסט, מיר מוזן דאָך גיין איינלייגן דעם נדן! — האָט ער געטענהט, — מיר זענען דאָך נישט קיין „באָיאָווצעס”, מ'זאָל אונדז פאַרהאַלטן. מיר וועלן אַלע פיר נעמען אַ דראָזשקע. אין אַ דראָזשקע זענען מיר זיכער. מ'וועט דאָך אונדז נישט גיין אַראָפּשלעפּן פון דער דראָזשקע!

דאָס האָט איבערצייגט. אין אַ דראָזשקע איז מען דאָך טאַקע זיכער. חתן־כלה און דער כלהס עלטערן זענען אַראָפ אויף דער גאַס. פוסט! ס׳פאָרט גראָד שנעל פאַרביי אַ דראָזשקע. דער חתן גיט אַ רוף. דער דראָזשקאַזש קווענקלט זיך:

— כ׳ווייס, אין אַזאַ טאָג? איר וועט געבן אַ קערבל*), וועל איך פאָרן!

— אַ קערבל? אַ גאַנץ קערבל?

— פאַר ווייניקער פאָר איך נישט, מ׳שיסט דאָך אין די גאַסן! — ענטפערט דער דראָזשקאַזש.

דער כלהס עלטערן ווילן שוין צוריקגיין אין שטוב, אָבער דער חתן פאַרזיכערט ווייטער, מעשה אויטאָריטעט, אַז אין אַ דראָזשקע וועט מען נישט טשעפען. „ס׳איז דען הפקר אויף דער וועלט?" — גיט ער צו.

מ׳פאָרט, אַ געוויסע צייט זעט מען קיינעם נישט אויף דער גאַס. ס׳גייט פאַרביי אַ פאַטרול. ער לאָזט די דראָזשקע פריי דורכפאָרן. דער חתן טריומפירט: „נו, וואָס זאָגט איר איצט, ווער איז געווען גערעכט?"

מ׳איז שוין באַלד ביי דזשעלנע. די דראָזשקע פאָרט אויף דזשיקע צו דער נאָוואָליפקע צו. אויף דער גאַס לעבן די טראָטואַרן ליגן אויסגעלייגט טראַמוויי־שינעס. מ׳גייט פאַרלייגן אויף דער גאַס אַ טראַמוויי־ליניע. ס׳איז שטיל, מ׳זעט נישט קיין לעבעדיקן נפש. פלוצלינג דערהערן זיך פעסטע שטיוולטריט. פון דער דזשעלנע קומען אַרויס אַ מאַן צען „וואָלינצעס" מיט אַן אָפיציר בראש. דער דראָזשקאַזש גיט אַ פעסטן שמיץ דאָס פערד, ער וויל אויסמיידן דעם פאַטרול, אָבער אָט דערהערט זיך אַ געשריי וואָס הילכט אָפ איבער דער פוסטקייט פון דער גאַס:

— שטיין בלייבן!

די דראָזשקע שטעלט זיך אָפ. די „וואָלינצעס" רינגלען זי אַרום, מ׳שלעפט אַרויס אַלע פיר פאַסאַזשירן. דער חתן פרוואוט עפעס דערקלערן, דער אָפיציר גיט אים אָבער מיטן פוס אַזאַ פעסטן שטויס אין בויך, אַז ער פאַלט אום גלייך מיטן קאָפ אויף די ליגנדיקע טראַמוויי־שינעס. די כלה און די מוטער הייבן אָן צו שרייען, דער פאָטער נעמט קושן די הענט פון אָפיציר.

— וואָס ווילט איר פון אונדז, מיר זענען דאָך אומשולדיקע מענטשן!

— דאַוואַט אים בראַטצי! (גיט אים, ברידערלעך!) — גיט דער אָפיציר אַ געשריי און רוקט זיך אָפ אין אַ זייט.

אַ סאָלדאַט הייבט אויף די ביקס און גיט מיט דער זייט פון דער קאָלבע מיטן גאַנצן כוח אַ לאָז אַראָפ איבער דער מוטערס קאָפ. ס׳דערהערט זיך אַ יאָמערלעך געשריי. דאָס שרייט די טאָכטער, די כלה. די מוטער האָט נישט באַוויזן שוין צו שרייען. דער פעסטער קלאַפ פון דעם „וואָליניעץ" האָט זי מאָמענטאַל אַוועקגעלייגט אַ טויטע אויפן אָרט.

דער פאָטער פאַלט אַנידער צו דעם אָפיצירס פיס און בעט רחמים, וויינט מיט ביטערע טרערן:

— דערבאַרעם זיך איבער אונדז. ביזט דאָך אויך אַ מענטש, האָסט דאָך אויך אַ טאַטן און אַ מאַמען! וואָס טוסטו? געדענק אין גאָט!

דער ווילדער, שיכורער אָפיציר גיט ברוטאַל אַ קאָפ אַוועק פון זיך דעם פאָטער. אַ „וואָליניעץ" לויפט צו צום אַלטן ייד און שטעכט אים אַדורך מיט דער ביקס. זעענדיק אַז ער לעבט נאָך, זעצט ער נאָך צוויי מאָל די שפיז דעם אומגליקלעכן אין דער ברוסט אַריין.

אין דער זעלבער צייט האָבן עטלעכע אַנדערע סאָלדאַטן אָנגענומען חתן־כלה און געהאַקט מיט זייערע קעפ אָן די דיקע שינעס. זיי האָבן אַזוי לאַנג געקלאַפט מיט די קעפ פון די אומגליקלעכע אָן די קאַנטן פון די שינעס, ביז חתן־כלה האָבן אויסגעהויכט די נשמות.

---

*) אַ רובל.

אויפן טראָטואַר לעבן דזשיקע 12, קעגן איבער דער דזשעלנע, זענען געבליבן ליגן פיר טויטע קערפערס. מיט צען מינוט צוריק זענען נאָך די מענטשן געפאָרן אין דער דראָזשקע און איצט זענען זיי געלעגן צעשטאָכענע און צעהאַקטע.

דער פאַטרול איז ווייטער רואיק געגאַנגען, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען. דעם דראָזשקאַזש האָבן זיי באַלד פון אָנהייב געגעבן עטלעכע געזונטע קלעפ און געהייסן אָפפאָרן. די מענטשן וועלכע האָבן פון די פענצטער דורך די שפאַרעס פון די אַראָפגעלאָזטע ראָלעטן צוגעזען די דאָזיקע סצענע זענען מיט פאַרקרימטע געזיכטער אָפגעשפרונגען פון פענצטער. אַ סך האָבן אין די דאָזיקע וואוינונגען געחלשט און ספאַזמירט.

די פיר טויטע קערפערס פון מאַן און ווייב און חתן־כלה זענען געלעגן אויף דער גאַס. קיינער האָט זיי נישט צוגערעקט, קיינער האָט זיי דערווייל נישט צוגענומען.

דער טויט פון צוויי ברידער

אין וואַרשטאַט פון שניידער זשיטאָ האָבן די אַרבעטער געענדיקט די אַרבעט. מ׳האָט אַפילו מורא געהאַט אַהיימצוגיין, דער בעל־הבית האָט געעצהט איבערצונעכטיקן אין וואַרשטאַט, אָבער אין דער היים וועט מען דאָך איבערקלערן, מ׳וועט דאָך ממש פון זינען אַראָפ. גראָד ווייל ס׳איז אַזוי אומרואיק אין גאַס — ווילן די אַרבעטער וואָס שנעלער אַהיימגיין כדי צו באַרואיקן זייערע משפחות, וועלכע שטייען, אודאי, ביים פענצטער און קוקן אויס, וואַרטן אָפ מיט שרעק די מענער, די זין, די ברידער.

— פאַרפאַלן, מיר מוזן גיין אַהיים! — דערקלערן די אַרבעטער.

צוויי ברידער האָבן געאַרבעט אין דעם דאָזיקן וואַרשטאַט, משה און אַביש ווייספאָגעל, דער ערשטער — 23 יאָר אַלט, דער צווייטער — 29 יאָר. זיי זענען ביידע אַראָפ אויף דער גאַס. שטיל. פון צייט צו צייט לויפט פאַרביי אַ דערשראָקענער פאַרבייגייער, וועלכער רופט אויס מיט אַ וואָרנענדיקער שטים:

— גייט נישט דורך דער קאַרמעליצקע, ווייל מ׳שלאָגט דאָרט מכות רצח!

משה און אַביש פאַרקירעווען אין פשעיאַזד אַריין, קומען אַרויס אויף נאָוואָליפקע, גייען אַריין אין דער דזשיקע. אויפן גאַנצן וועג האָבן זיי אָנגעטראָפן צוויי פאַטרולן, וועלכע האָבן בלויז געגעבן עטלעכע קלעפ מיט די קאָלבעס און געהייסן גיין אַהיים.

— נו, מיר זענען שוין אויף דזשיקע, מער קיין בייז וועט שוין נישט געשען! — באַמערקט איינער פון די ברידער.

זיי גייען ווייטער. די קניען בייגן זיך פאַר אויפרעגונג און שרעק. זיי ווילן וואָס שנעלער צוקומען צום טויער פון זייער וואוינונגסאָרט. „מ׳זאָל נאָר ווידער נישט אָנטרעפן קיין פאַטרול. ווער ווייסט וואָס עס קאָן אַלץ געשען!" טראַכטן ביידע ברידער.

— זעסט, אַביש, ס׳גייט שוין ווידער אַ פאַטרול! — זאָגט דער יינגערער ברידער, — אפשר זאָלן מיר צוריקגיין און אַריין אין דער דזשעלנע?

— וואָס רעדסטו? זיי קאָנען אונדז נאָכשיסן! — ענטפערט אַביש.

ביידע גייען איצט מיט פאַמעלעכע טריט. מ׳שאַרט זיך כמעט ביי דער וואַנט. מ׳בעט אַז די סאָלדאַטן זאָלן אויף אַ מינוט ווערן בלינד און נישט באַמערקן די צוויי ברידער. די הענט און די פיס ציטערן, די אויגן פילן זיך אָן מיט שרעק. ביים נומער 18 אויף דזשיקע באַגעגענען זיי זיך פנים אל פנים מיטן פאַטרול.

— קודי, סוואָלאָטשי? (וואוהין, אויסוואורפן?) — פרעגט דער אָפיציר מיט רוגזה.

— מיר גייען פון וואַרשטאַט... אַהיים... — שטאַמלט דער עלטערער ברודער.

אין דער זעלבער רגע דערלאַנגט אים אַ סאָלדאַט מיט דער ביקסנשפּיז גלייך אין האַלדז אַריין, אָבער מיט אַזאַ קראַפט אַז דער שפּיז קריכט אַרויס פון דער אַנדערער זייט. אַ שטראָם בלוט ניט זיך אַ שפּריץ אויפן טראָטואַר. אַביש פאַלט אַנידער מיט אַ קרעכץ און זיינע אויגן ווערן מאָדנע פאַרגליווערט... דער יינגערער ברודער הייבט אָן יאָמערלעך צו וויינען, פאַלט אַנידער אויפן ברודערס קערפּער און נעמט אים האַלדזן און קושן. אַ „וואָליניעץ" שליידערט אים מיטן שטיוול אַוועק פון פאַרבלוטיקטן קערפּער, דער אַנדערער הייבט אויף די ביקס און נעמט האַקן איבערן קאָפּ פון וויינענדיקן משה. די גאַס ציטערט אויף פון די אימהדיקע, גרוילעכע געשרייען פון דעם בחור. דער „וואָליניעץ" קלאַפּט כסדר מיט דער ביקס איבער דעם בחורס קאָפּ. די געשרייען ווערן ביסלעכווייז שוואַכער. ס'הערן זיך בלויז כאָרכלענדיקע קרעכצן. דער אָפיציר, מיט אַ פאַרשיכורט פּנים און רויטער נאָז, קוקט זיך צו צו דעם פאַרבלוטיקטן קאָפּ פון דעם יונגן־מאַן.

— פּריקאַנטשיט יעוואָ! (דערשלאָגט אים צום טויט) — האָט דער אָפיציר געגעבן אַ באַפעל.

די „וואָלינצעס" זענען נאָך אַ מאָל צוגעגאַנגען צום ייִנגערן ברודער און אים אַריינגעשטאָכן עטלעכע שפּיזן אין האַרץ אַריין. דאָס זעלבע האָבן זיי געטון מיטן עלטערן ברודער, אַביש, וועלכער איז שוין געהאַט געווען טויט.

ווען דער שניידער זשיטאָ איז צו מאָרגנס געקומען אין פּראָזעקטאָריום, האָט ער דאָרטן געטראָפן, חוץ די צוויי טויטע קערפּערס פון משה און אַביש, נאָך צוויי טויטע קערפּערס פון אַרבעטער פון זיין וואַרשטאַט.

פיר טויטע פון איין וואַרשטאַט.

דער בלוטיקער געוועט

אין אַ וואוינונג אויף דער מילע־גאַס איז געגאַנגען אַ געוועט. אַ יונגער־מאַן האָט דערקלערט:

— איך נעם מיך איצט אונטער צו פאָרן אין אַ דראָזשקע אויפן שטח פון מילע, דזשיקע, וואָלינסקע, ניי־קאַרמעליצקע און צוריק אויף דער מילע, ווער לייגט איין געלט אַז מ'וועט מיך נישט טשעפּען?

— זיי נישט קיין כוואַט, מ'קאָן דיך גאַנץ שיין משלח זיין אויף יענער וועלט! — האָבן אים חברים דערקלערט.

אָבער דער יונגער־מאַן האָט פאַרזיכערט:

— מ'קאָן מיר גאָרנישט טון אַז איך פאָר איינער אַליין אין אַ דראָזשקע. מ'וועט צוקומען, וועל איך זאָגן אַז איך פאָר פון דער באַן און כ'ווייס פון גאָרנישט וואָס אין שטאָט קומט פאָר.

— דו ביזט זיכער אַז מ'וועט דיך נישט טשעפּען? — האָט מען דעם „זיכערן" נאָך אַ מאָל געפרעגט.

— שוין איין מאָל זיכער! אדרבא לייגט איין געלט.

מ'האָט זיך געוועט. מ'האָט איינגעלייגט צען רובל. אויב דער יונגער־מאַן מאַכט דורך די נסיעה אויף דעם דאָזיקן, אַגב, קורצן שטח און קומט צוריק בשלום, באַקומט ער די צען רובל. פון דעסט וועגן האָט מען אים באַדויערט און געקוקט מיט פאַרוואונדערונג אויף דעם מענטש וועלכער איז גרייט צו מאַכן אַזאַ געוועט. „נאָר אויב דער יונגער־מאַן איז אַזוי זיכער, מן־הסתם מוז ער דאָך האָבן אַ סיבה דערצו."

דער יונגער־מאַן האָט זיך פיין אויסגעפּוצט, כדי צו מאַכן דעם איינדרוק פון אַ רייכן פּראַנט. ער איז אַראָפּ אויפן הויף, געבעטן דעם סטרוזש, ער זאָל אים עפענען דאָס טויער.

— גאָט איז מיט אייך, וואו גייט איר איצט? — האָט דער סטרוזש אויסגעגלאָצט אויף אים אַ פּאָר אויגן, — מ'וועט אייך דערשיסן!

— האָט נישט קיין מורא, דער טייוול איז נישט אַזוי שרעקלעך ווי מען מאָלט אים! — האָט זיך דער יונגער־מאַן געוויצלט און אַרויס אויף דער גאַס.

ס'איז שוין געווען גוט טונקל. דער יונגער־מאַן איז אַ ווייל געשטאַנען ביים טויער, וואַרטנדיק אפשר וועט פאַרבייפאָרן אַ דראָזשקע. גיין צו פוס אַ שטיקל וועג האָט ער פאָרט נישט געוואָלט איינשטעלן ער איז געשטאַנען און געוואַרט אַזוי צען מינוט.

די גאַס האָט אויסגעזען ווי אַ בית־עולם, פּוסט און אומהיימלעך. די גאַז־לאַמטערנעס האָבן געוואָרפן אַ ווייס־געלן אָפּשיין אויף דעם ליידיקן טראָטואַר. דער יונגער־מאַן האָט אַרויסגענומען דעם זייגער. ס'איז געווען פופצן מינוט נאָך אַכט. „ווי לעבעדיק, ווי רוישיק ס'איז תמיד אין דער איצטיקער צייט אויף דער מילע־גאַס! — האָט ער געטראַכט.

פון דער ווייטנס האָט זיך דערהערט דאָס ראַשיקע קלאַפּן פון רעדער איבער דעם שטיינערנעם ברוק. דער יונגער־מאַן האָט זיך גוט איינגעקוקט: „יאָ, ס'איז אַ דראָזשקע! ווען די דראָזשקע איז פאַרבייגעפאָרן, האָט דער יונגער־מאַן אַ רוף געטון:

— העי, דראָזשקע!

— וואוהין? — האָט דער דראָזשקאַזש געפרעגט, — ווייט האָב איך מורא צו פאָרן.

— נישט ווייט, אַרום און אַרום אַ שטיקל וועג, — האָט דער יונגער־מאַן אויפגעגעבן דעם דראָזשקאַזש דעם מאַרשרוט.

— אַן איינפאַל! — האָט דער דראָזשקאַזש געהויבן מיט די אַקסלען, — פון מיינעט וועגן פאָרט. ס'קאָסט אָבער אַ קערבל.

— זאָל זיין אַ קערבל, איך וועל פאַרדינען מער! — האָט דער יונגער־מאַן לעבעדיק אַ זאָג געטון, איינשטייגנדיק אין דער דראָזשקע.

די דראָזשקע האָט פון דער מילע פאַרקירעוועט אין דער דזשיקע און דערנאָך איז זי אַריינגעפאָרן אין וואָלינסקע. אָבער באַלד ביים טויער נומער צוויי איז די דראָזשקע פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ פּאַטרול פון זעקס „וואָלינצעס" מיט אַן אָפיציר.

— וועמען פירסטו דאָס? בלייב שטיין, סוקין סין! (הינטישער זון) — האָט דער אָפיציר אַ געשריי געטון צום דראָזשקאַזש, וועלכער האָט מאָמענטאַל איינגעהאַלטן דאָס פערד.

די „וואָלינצעס" זענען צוגעלאָפן צו דער דראָזשקע און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן דעם יונגן־מאַן, וועלכער איז געווען שטאַרק בלאַס און דערשראָקן. ער האָט געפּרואווט רעדן:

— איך פאָר פון דעם ווינער באַנהויף, וואָס ווילט איר פון מיר? וואָס קומט פאָר אין שטאָט? איך ווייס דאָך פון גאָרנישט!

— גיט אים נאָר צו פאַרשטיין, וועט ער שוין וויסן! — האָט דער אָפיציר אַ זאָג געטון צו די סאָלדאַטן.

— וואָס ווילט איר פון מיר? — האָט דער יונגער־מאַן גענומען שרייען, — געוואַלד, געוואַלד, וואָס טוט איר? איך... איך... פאָר דאָך פון...

אָבער ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן דעם זאַץ. די „וואָלינצעס" האָבן אים מיט אַ ווילדער קראַפט אַנידערגעשליידערט אויף דר'ערד און, אַראָפּלאָזנדיק די ביקסן, אַריינגעשטאָכן אין זיין ברוסט זעקס שפּיזן. אָפּטוענדיק די דאָזיקע בלוטיקע „אַרבעט" זענען די סאָלדאַטן אַוועק ווייטער.

דער יונגער־מאַן האָט זיך גענומען קאָרטשען און צאַפּלען, אַרום אים האָט זיך תיכף געבילדעט אַ קאַלוזשע בלוט. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט די לעצטע כוחות, אויפגעהויבן זיך, אָנגעשפּאַרט זיך אין דער וואַנט און מיט איבערמענטשלעכע כוחות אַ צי געטון ביים גלאָק פון טויער. דאָס האָט ער גערופן הילף, פילנדיק אַז ער גייט אָפּ אין בלוט.

דער פּאַטרול איז שוין געווען ביים עק פון דער וואָלינסקע און דזשיקע. דער אָפיציר האָט זיך אומגעדרייט און דערזען ווי דער געשטאָכענער האָט זיך אויפגעהויבן.

— ער לעבט דאָך נאָך! — האָט ער אַ געשריי געטון צו די סאָלדאַטן.

די „וואָלינצעס" זענען שנעל צוגעלאָפן צום פאַרוואונדעטן יונגן־מאַן, און, ווי זיי וואָלטן בייז געווען וואָס זייער קרבן לעבט נאָך, האָבן זיי גענומען אויף אים טרעטן מיט די זעלנערישע שטיוול, און טרעטנדיק אַזוי האָבן זיי דעם אומגליקלעכן נאָך עטלעכע מאָל אַריינגעשטאָכן די שפיז אין דער ברוסט.

— איצט וועט ער שוין קיין פיפס נישט טון! — האָבן זיי געמאָלדן דעם אָפיציר, אָפווישנדיק די פאַרבלוטיקטע שפיזן מיט רויטע פאַטשיילעס.

— פרעקראַסנאַ! (זייער גוט) — האָט דער אָפיציר געענטפערט און ער איז ווייטער אַוועק זוכן נייע קרבנות פאַר זיין בלוטיקער תאווה.

דער יונגער־מאַן האָט נאָך געלעבט. אַן אַנדערער וואָלט תיכף אויסגעהויכט די נשמה. דער דאָזיקער איז אָבער אַ קרעפטיקער און געזונטער און האָט זיך מיט די לעצטע כוחות געקלאַמערט אָן לעבן. ער האָט זיך ווידער געפרואווט אויפשטעלן, כדי נאָך אַ מאָל אָנצוקלינגען, אָבער די כוחות האָבן אים שוין פולשטענדיק פאַרלאָזט. ער האָט פאַרלוירן דאָס באַוואוסטזיין.

צו דער דאָזיקער בלוטיקער סצענע האָט זיך צוגעקוקט דורך דער שפאַרע פון דער אַראָפגעלאָזטער ראָלעט אַן איינוואוינער פון וואָלינסקע 2, וועלכער האָט געוואוינט אין פראָנט אויפן ערשטן שטאָק. זעענדיק אַז דער פאַטרול איז שוין אַוועק, איז ער אַראָפ צום סטרוזש און געהייסן עפענען דאָס טויער. מיט דער הילף פון נאָך עטלעכע איינוואוינער האָט מען דעם שטערבלעך פאַרוואונדעטן יונגן־מאַן אַריינגעטראָגן אין הויף אַריין און אַרויפגעלייגט אויף אַ קאַסטן אין וועלכן מ׳פלעגט האַלטן אייז. מ׳האָט זיך גענומען ווי עס איז ראַטעווען דעם יונגן־מאַן. איינער פון די איינוואוינער פון הויף האָט פשוט איינגעשטעלט דאָס לעבן לויפנדיק אין דער נאָענטער אַפטייק, וועלכע געפינט זיך אין ראָג. ס׳איז אַריבערגעקומען דער אַפטייקער אַליין מיט פאַרשיידענע הילפסמיטלען.

מאָדנע שוידערלעך האָט אויסגעזען די סצענע אין דעם פירקאַנטיקן קליינעם הויף ביי נאַכט. אַרום זענען געווען פאַרזאַמלט כמעט אַלע איינוואוינער פון הויף. מ׳האָט געמוזט אויסמיידן דעם מינדסטן גערויש, רעדן שושקענדיק זיך, ווייל אַנדערש וואָלטן די פאַרבייגייענדיקע פאַטרולן אַריינגעשאָסן אין הויף אַריין. דער אַפטייקער און נאָך עטלעכע לאָקאַטאָרן האָבן זיך געפאָרעט ביי דעם פאַרוואונדעטן. אַ ליכט האָט באַלויכטן זיין אָפשטאַרבנדיק געזיכט. דער ברוסטקאַסטן איז געווען צעשטאָכן ווי אַ זיפ. ער האָט געכאָרכלט, קוים אַרויסגערעדט עטלעכע ווערטער. פרויען האָבן זיך געווישט די טרערן פון די אויגן. אַלע אַרום האָבן זיך צוגעקוקט מיט שוידער צו דעם גוססדיקן קרבן פון דעם בלוטיקן טאָג. אַרום צוועלף ביי נאַכט איז דער יונגער־מאַן געשטאָרבן.

מורא האָבנדיק פאַר געוויסע פלאָגן מצד דער מאַכט, האָט מען דעם טויטן קערפער אַרויסגעלייגט פאַרן טויער אויף דער גאַס און צוריק דאָס טויער פאַרשלאָסן.

„נישט מער ווי איין שטאָך"

דער 23יאָריקער קעלנער יוסף פרידלאַנד האָט געאַרבעט אין רעסטאָראַן אויפן פאָדוואַל. מיט צוויי טעג פריער איז ער געקומען פון טשעכאָטשינעק צו זיין כלה און באַלד באַקומען דעם פאָסטן. ער איז געווען גליקלעך און צופרידן. אין גיכן האָט געדאַרפט פאָרקומען זיין חתונה, צו וועלכער ער האָט זיך שוין געגרייט. וויסנדיק אַז אין גאַס איז אומרואיק, אַז מען שלאָגט און מען שעכט, האָט ער גענומען אַ דראָזשקע. ווען די דראָזשקע איז צוגעקומען אויף דער פאַוויע, לעבן טויער נומער 32, איז זי אָפגעשטעלט געוואָרן דורך אַ קאָמיסאַר און צוויי „וואָלינצעס", וועלכע האָבן פרידלאַנדן אַרויסגעשלעפט פון דער דראָזשקע.

— איך בין אַ קעלנער, איך גיי פון דער אַרבעט, לאָזט מיך אָפ! — האָט ער זיך געבעטן ביי די תלינים.

דער קאָמיסאַר, טויט־שיכור, האַלטנדיק זיך קוים אויף די פיס, האָט זיך הויך צעלאַכט:

— מיר וועלן דיך אָפלאָזן, אָפלאָזן — כאַ־כאַ־כאַ — אָבער פריער וועסטו באַקומען איין קלאַפ, נישט מער ווי איין שטאָך! נו, סאָלדאַטיקי, איין שטאָך גיט אים, נישט מער, זאָל ער געדענקען!

דער „וואָליניעץ" האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער ביקסנשפיז און אַ זעץ געטון דעם אומגליקלעכן גלייך אין האַרצן אַריין. פרידלאַנד איז אַנידערגעפאַלן באַגיסנדיק זיך מיט בלוט. ווען דער פאַטרול איז אַוועק האָט זיך דער געשטאָכענער צוגעשלעפט האַרט ביז צום טויער, אָבער דאָ האָט ער אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם. די איינוואוינער פון הויף, וועלכע זענען אים געלאָפן ראַטעווען, האָבן אים שוין דערווישט אַ טויטן.

די לויה פון דאָזיקן קרבן איז געווען אַ גראַנדיעזע. אויפן בית־עולם איז פאָרגעקומען אַ פאַקט וועלכער האָט אַלעמען טיף דערשיטערט. בעת מ׳האָט דעם טויטן קערפער אַראָפגעלאָזט אין קבר, איז די כלה פון פאַרשטאָרבענעם פלוצלינג משוגע געוואָרן און אָנגעהויבן ווילד צו לאַכן און צו טאַנצן. צוקוקנדיק זיך צו דער דאָזיקער ווילד־לאַכנדיקער און טאַנצנדיקער פרוי ביים אָפענעם קבר פון איר חתן, איז ביי יעדן ממש דאָס בלוט פאַרגליווערט געוואָרן אין די אָדערן!

פאַרוואונדעט אויף דעם טויטן קערפער פון אייגענעם ברודער

ס׳איז געווען אַכט אַ זייגער אין אָוונט. לעבן טויער פון פאַוויע 64 איז געלעגן אַ שווער־פאַרוואונדעטער דער דרייסיקיאָריקער יוסף הימלשטיין, וועלכער האָט באַקומען אַ קויל אין האַלדז. ער איז צוגעקומען צום טויער, שוין געוואָלט אָנקלינגען, האָט אים פלוצלינג געטראָפן אַ קויל וואָס אַ „וואָליניעץ" האָט פון דער ווייטנס אויסגעשאָסן. אין הויף האָט מען געגעבן צו וויסן דער משפחה אַז זייער זון ליגט אַ פאַרוואונדעטער לעבן טויער. דער ערשטער איז אַראָפגעלאָפן דער 28יאָריקער ברודער פון פאַרוואונדעטן, ירחמיאל. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן ברודער און, פאַרברעכנדיק די הענט, געפרעגט:

— יוסף, יוסף, ברודער טייערער! ווי צו מיר, זאָג, וואו ביזטו פאַרוואונדעט?

דער פאַרוואונדעטער האָט שוין געגוסט. זיין אָפענער, פאַרגליווערטער בליק האָט שטום אָנגעקוקט דעם ברודער, ווי ער וואָלט געמאַכט אַ פאַרענטפערונג פאַר דאָס שוידערלעכע וואָס איז געשען, ווי דער בליק וואָלט געזאָגט: „זע, ברודער, געגאַנגען אויף דער גאַס און אומגעקומען פון אַ קויל"!

דער ברודער איז אַרויפגעפאַלן אויפן קערפער פון אָפשטאַרבנדיקן און שטאַרק גענומען כליפען. אָבער אין דער זעלבער מינוט האָט זיך דערהערט אַ קנאַל, און אַ קויל האָט געטראָפן אין קאָפ פון וויינענדיקן. ער איז אַנידערגעפאַלן, באַגיסנדיק זיך מיט בלוט, לעבן דעם טויטן קערפער פון זיין ברודער. ווען די משפחה איז אַראָפגעלאָפן, האָט זי לעבן טויער שוין געטראָפן צוויי קרבנות. איין קרבן האָט שוין נישט אַרויסגעוויזן קיין סימנים פון לעבן, דער צווייטער קרבן איז געווען שווער פאַרוואונדעט.

דאָס מיידל וואָס שמייכלט צום הימל

האַלב דריי ביי טאָג, די טויערן זענען נאָך געווען אָפן, די באַוועגונג אין גאַס נאָך אַ נישקשהדיקע, מ׳האָט זיך נאָך נישט געריכט אויף דעם שרעקלעכן בלוטבאָד וואָס דאָס מיליטער האָט צוגעגרייט. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, די זון האָט העל געלויכטן — איז זיך די 19יאָריקע חיה־לאה גוטמאַן געזעסן אויף אַ באַלקאָן פון הויז אויף מוראַנאָווסקע 30 און געשמייכלט צו דער זון, צום בלויען הימל, צום שיינעם טאָג...

אויף דער גאַס איז געוואָרן אַ געלויפעריי, מענטשן זענען אַריין

אין די טויערן, דאס יונגע מיידל האט געזען ווי זעלנער שלאגן איבער די קעפ פון אומשולדיקע מענטשן, ווי מענטשן טרעטן איינע אויף די אנדערע, וועלנדיק זיך אויסבאהאלטן אין די טויערן, און זי האט אריינגעשריגן צו די שטובמענטשן:

— זעטס נאר וואס ס'טוט זיך אויף דער גאס! מ'שלאגט און מ'הרגעט! קומטס נאר אהער און גיטס א קוק!

די מוטער, פארפילנדיק אן אומגליק, האט א געשריי געטון:

— חיה־לאה, שטיי נישט אויפן באלקאן, קום אריין!

ס'האט זיך דערהערט א שיסעריי. חיה־לאה, דאס 19יאריקע מיידל, וואס האט מיט א מינוט פריער געשמייכלט צו דעם שיינעם זומערטאג, האט שוין מער נישט געענטפערט.

— חיה־לאה, פאר וואס גייסטו נישט אריין אין שטוב? מ'שיסט דאך! — האט די מוטער ווידער גענומען שרייען.

און זעענדיק אז איר טאכטער ענטפערט נישט, איז די מוטער ארויסגעלאפן נישט טויט נישט לעבעדיק אויפן באלקאן. זי האט ארויסגעלאזט א ווילדן ספאזמאטישן געשריי. לעבן איר איז געלעגן אויסגעצויגן איבער דער גאנצער לענג פון באלקאן די 19יאריקע טאכטער אירע, מיט א דורכגעשאסענעם שארבן. פון באלקאן האבן אראפגעטריפט אויף דער גאס טראפנס בלוט...

זעענדיק דאס יונגע, שיינע מיידל אויפן באלקאן האט א ווילדער „וואליניעץ” זיך געצילט צו איר און איר אריינגעשאסן א קויל אין קאפ. ער האט איר נישט געקאנט פארגינען וואס זי האט אזוי גליקלעך געשמייכלט צו דעם ליכטיקן זומערטאג...

„ווער ווייסט וואס מיט מיין קינד איז געשען?”

— מיין טייער קינד, — האט געזאגט די אלמנה ראדעצקי צו איר איינציקן דרייצניאריקן זון, נאטע — כ'פיל מיך זייער שלעכט, גיי אראפ אין אפטייק און קויף מיר א פראשעק צו קאפוויטיק. אבער זיי פארזיכטיק, מיין זון, מ'זאגט אז אין גאס איז עפעס אומרואיק.

— האב נישט מורא, מאמעשי, — ענטפערט דאס דרייצניאריקע יינגל, — די אפטייק איז דאך נישט ווייט, סך־הכל עטלעכע טויערן, איך קום באלד צוריק.

— הערסט, נאטעלע, קום באלד צוריק, ווייל כ'וועל איבערקלערן! — שרייט די מוטער נאך און גיט א קרעכץ — דער קאפ טוט איר שרעקלעך וויי.

ס'איז דריי דער זייגער, די מוטער זעצט זיך אוועק ביים פענצטער וואס גייט ארויס אויפן הויף. דא זעט זי גארנישט וואס עס קומט פאר אויף דער גאס. אוי, דער קאפ טוט וויי! — האלט זי זיך די שלייפן ביים קאפ.

— גאט מיין גאט! וואו איז נאטעלע? דער זייגער איז דאך שוין האלב פיר! האלב פיר! — חזרט זי איבער הויך אויפן קול. — אזוי לאנג דארף דאך נישט געדויערן! ווער ווייסט וואס מיט מיין קינד איז געשען?

זי כאפט שנעל אויף זיך א טיכל, שליסט צו די טיר און לויפט אראפ. דאס טויער איז שוין צו. דער סטרוזש וויל זי נישט ארויסלאזן. — וואו גייט איר? מ'שיסט דאך אין גאס! — דערקלערט ער.

— וויי צו מיר, וואו איז מיין זון! — גיט זי א פאטש מיט די הענט און לאזט ארויס א ספאזמאטישן געשריי, — לאזט מיך ארויס אויף דער גאס זען וואו מיין קינד איז!

דער סטרוזש עפנט איר דאס טויער. זי לויפט ווי א משוגענע ארויס אויף דער גאס. די גאסן זענען שוין כמעט פוסט. די אומגליקלעכע לויפט מיט צעשויבערטע האר, דאס טיכל פלאטערט אויף אירע אקסלען. זי שטעלט אפ א פארבייגייער וואס איילט זיך שנעל אהיים.

— האט איר נישט געזען דא א יינגעלע... א יינגעלע אין גראנאט־הייזעלעך? — פרעגט די מוטער מיט א צעשראקענעם, ווילדן בליק.

— א יינגל?... גייט דארטן... — ווייזט אן דער פארבייגייער און אנטלויפט שנעל, אומקוקנדיק זיך מיט שרעק. ער וויל נישט זיין דער אנזאגער פון א שלעכטער בשורה...

די אומגליקלעכע מוטער לויפט ווייטער. דער קאפ טוט איר שוין מער נישט וויי, ניין, נאר דאס הארץ קלאפט מיט א מוראדיקער שנעלקייט און אין מוח מישט זיך און ריזיקע רייפן דרייען זיך פאר די אויגן. זי פאקט שיר נישט אום, די קניען בייגן זיך אונטער איר.

אט איז זי נישט ווייט פון אפטייק, עפעס ליגט דארט! „וואס ליגט דארט?!” — גיט עס איר א מעכטיקן זעץ אין הארץ. זי לויפט צו, גיט א שרעקלעך געשריי און פאלט ארויף אויפן קערפער פון איר קינד. אין דער פוסטער גאס הערט זיך דאס אימהדיקע, יאמערלעכע געשריי פון דער משוגע געווארענער מוטער איבערן טויטן קערפער פון איר איינציקן דרייצניאריקן זון.

נאטע ראדעצקי איז הארט לעבן דער אפטייק באגעגנט געווארן דורך עטלעכע „וואלינצעס”, זיי האבן דעם יינגל אריינגעשטאכן עטלעכע שפיזן אין בויך, איצט ליגט ער אין א קאלוזשע בלוט מיט ארויסגעפאלענע געדערים...

און איבער דער גאנצער לענג פון דער פוסטער גאס הילכט אפ דאס מוראדיקע געשריי פון דער משוגע געווארענער מאמע.

ווייטערדיקע רציחות

און אזוי איז עס געגאנגען כסדר. א לאנגע רשימה פון דערהרגעטע, צעקאליעטשעטע, דערשאסענע, געשטאכענע. ס'האבן נישט געהאלפן קיין שום תחנונים, קיין שום רחמים־געבעטן, קיין שום געוויינען. די צעווילדעוועטע „וואלינצעס” אונטער דער אנפירונג פון שיכורע אפיצירן האבן געהרגעט, געשאסן, געקאטעוועט, געפייניקט די קרבנות אין די לעצטע גסיסה־מינוטן, אראפגעריסן פינגערלעך צוזאמען מיט די פינגער, אראפגעריסן אוירינגלעך צוזאמען מיט די אויערן־לעפעלעך, צוגערויבט זייגערלעך, געלט, צירונג, צעריסן קליידער, אט סתם אזוי, צוליב דעם חשק צו פארניכטן, צו צעשטערן.

דער 16יאריקער **יחזקאל אבערמאן** איז געגאנגען אויף פראנציסקאנער־גאס. זיין שוועסטער איז אוועקגעפאלן, איז ער געלאפן נאך א דאקטאר. א פאטרול פון דריי „וואלינצעס” האט אים דערזען פון דער ווייטנס. איינער פון די סאלדאטן האט זיך אנגעבויגן, געצילט גלייך אין אבערמאנען. ווי דאס זעכצניאריקע יינגל וואלט געווען דער געפערלעכסטער שונא, און אויסגעשאסן. גלאט אזוי, אן שום ווארענונג, אן שום טענה. ס'גייען מענטשן — דארף מען אין זיי שיסן!

פאר דעם יינגל איז דער שאס געווען אומדערווארט. ער האט אפילו נישט געוואוסט פון וואנען דער שאס איז געקומען. ער איז אומגעפאלן. די קויל האט אים געטראפן אין בויך. ר'איז לאנג געלעגן אויף דער גאס, ביז די קארעטע פון דער פאגאטאוויע האט אים צוגענומען. דאס יינגעלע האט נאך באוויזן צו פרעגן דעם דאקטאר:

— פאר וואס האט מען מיך געשאסן?

דער דאקטאר האט געשוויגן. וואס האט ער געקענט דערויף ענטפערן? ווען מ'האט דאס יינגל ארויסגעטראגן אין אפעראציעזאל, איז ער געשטארבן.

אין דער היים האט אבערמאנס שוועסטער לאנג געווארט אויף א דאקטאר...

חוה מערענשטיין, א פרוי פון 56 יאר, איז געזעסן אין הויף פון וואלינסקע 7. זי איז געווען זיכער אז מיט איר וועט גארנישט געשען. זי זיצט דאך אין הויף, דאס טויער איז פארמאכט. זי האט זיך ארויסגענומען א שטול און זיך אוועקגעזעצט אויפן הויף, ביי

דער וואַנט וואָס געפֿינט זיך אַנטקעגן איבער דעם טויער. און פּלוצלינג האָבן מענטשן דערהערט אַ קנאַל. מ'האָט זיך אומגעקוקט און דערזען ווי די עלטערע פֿרוי פֿאַלט אַראָפּ פֿון שטול און פֿון איר מויל פֿלייצט אַ שטראָם בלוט. זי איז שוין געווען טויט.

ווי אַזוי איז עס געשען? ווי אַזוי האָט די פֿרוי געקאָנט דערהרגעט ווערן, זיצנדיק אין הויף? דורך די קראַטן פֿון פֿאַרמאַכטן טויער האָט אַ פֿאַרבייגייענדיקער „וואָליניעץ” באַמערקט די זיצנדיקע פֿרוי. ער האָט נישט לאַנג געטראַכט. די פֿאַרניכטונגס־גיריקייט איז געווען שטאַרק, די תאווה נאָך בלוט־פֿאַרגיסונג — נישט צו צוימען, האָט ער געשאָסן און געטראָפֿן גלייך אין מויל אַריין פֿון זיין קרבן.

יוטע יאַזשעמבסקי, אַ זקנה פֿון 70 יאָר, איז געווען נייגעריק צו וויסן וואָס אויף דער גאַס הערט זיך. זי האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורך דעם לופֿטשיק. זי האָט נישט באַמערקט ווי אַ הויכער, געזונטער „וואָליניעץ” האָט אָנגעצילט זיין ביקס אויף איר גרויען קאָפּ. ס'האָט זיך דערהערט אַ שאָס. די זקנה האָט אַפֿילו קיין קרעכץ נישט געטון. זי האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון פֿענצטערברעטל מיט אַ דורכגעלעכערטן שאַרבן.

אַ צייטונגס־ידיעה צו מאָרגנס, נאָכן בלוטיקן מיטוואָך, גיט איבער פֿאָלגנדיקן שוידערלעכן פֿאַקט: „נעכטן (ד"ה אין טאָג פֿון בלוטיקן מיטוואָך) שפּעט אין אָוונט איז די פּאָגאָטאָוויע אַרויסגערופֿן געוואָרן אויף דזשיקע, ראָג ניזקע. די גאַס איז געווען פּוסט. די דאָקטוירים פֿון דער קאַרעטע האָבן נישט באַמערקט קיין שום פֿאַרוואונדעטן, אָדער הרוג. די פּאָגאָטאָוויע האָט שוין געוואָלט צוריקפֿאָרן, זייענדיק זיכער אַז ס'איז געווען אַ פֿאַלשער אַלאַרם. אָבער פּלוצלינג האָט דער קוטשער באַמערקט ליגן אין ווינקל פֿון אַ טויער עטלעכע קערפּערס. די דאָקטוירים זענען צוריק אויסגעשטיגן פֿון דער קאַרעטע און צוגעגאַנגען צום טויער. דאָרט זענען געלעגן כּמעט איינער אויפֿן אַנדערן 8 טויטע מענטשלעכע קערפּערס. מ'האָט זיי אַלע איבערגעפֿירט אין פּראָזעקטאָריום.”

הויפּטזאַכלעך האָט זיך די בלוטיקע אָרגיע אָפּגעשפּילט אין דער יידישער געגנט. אויך אין דער פּוילישער געגנט זענען געווען אַ סך געהרגעטע און פֿאַרוואונדעטע. די גרעסטע צאָל קרבנות אָבער, זיבעציק פּראָצענט, איז געווען אין די יידישע גאַסן.

אויף נייוועלט האָט דער 27יאָריקער אַרבעטער אַלעקסאַנדער מאַטושינסקי אָנגעטראָפֿן אַ פּאַטרול. די סאָלדאַטן האָבן אים באַפֿוילן צו שטיין. מאַטושינסקי איז אָבער געווען אַ טויבער. ער איז ווייטער געגאַנגען. איין „וואָליניעץ” איז צוגעלאָפֿן צום אומגליקלעכן און אים עטלעכע מאָל אַריינגעזעצט די ביקסנשפּיז אין האַרץ אַריין. מאַטושינסקי איז געבליבן ליגן טויט אויפֿן אָרט.

דער 40יאָריקער ראָמאַן יאַניאַק איז געגאַנגען נאָך אַן אַקושערקע. זיין ווייב האָט זיך געגרייט צו געבוירן אַ קינד. אויף עק כלאָדנע און וראָניע האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן אַ פּאַטרול. דער אָפֿיציר האָט אָן שום שהיות אַראָפּגעלאָזט יאַניאַקן אַ פֿייערדיקן פּאַטש, זאָגנדיק דערביי:

— וואָס שלעפּסטו זיך אין די גאַסן, דו הינט איינער?

יאַניאַק איז פֿון פּאַטש געוואָרן אַזוי מבולבל אַז ער איז געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט צו דער ערד, אָנקוקנדיק דעם אָפֿיציר מיט שרעק און שטוינונג. — „פֿאַר וואָס האָסטו מיך געפּאַטשט? — האָבן געפֿרעגט זיינע אויפֿגעריסענע, דערשראָקענע אויגן.

— ער וואַרט אויף נאָך אַ פּאַרציע, — האָט דער אָפֿיציר אַ זאָג געטון מיט אַ געלעכטער צו די סאָלדאַטן, — ווייזט אים נאָר וואָס איר קענט!

כהרף־עין איז יאַניאַק געלעגן אויף דער ערד, אויף זיין קערפּער האָבן אַרומגעטרעטן די שווערע סאָלדאַטישע שטיוול און אין זיין לייב האָט זיך אַריינגעשטאָכן איין שפּיז נאָך דער אַנדערער. יאַניאַק איז שוין געווען טויט און די צעווילדעוועטע „וואָלינצעס” האָבן נישט אויפֿגעהערט צו שטעכן אין זיין לייב מיט די ביקסנשפּיזן.

יאַניאַקס פֿרוי האָט אין שווערע יסורים געוואַרט אויף דער אַקושערקע, נאָך וועלכער איר מאַן איז געגאַנגען . . .

דער דרייסיקיאָריקער וולאַדיסלאַוו מאַנאָווסקי איז צוגעגאַנגען צו אַן אָפֿיציר און געפֿרעגט פֿאַר וואָס ער דערלאָזט, אַז זיינע סאָלדאַטן זאָלן אַזוי מערדערלעך שלאָגן אַן עלטערע פֿרוי. דער אָפֿיציר האָט גאָרנישט געענטפֿערט נאָר אַרויסגענומען זיין רעוואָלווער און מיט דריי קוילן אַוועקגעלייגט מאַנאָווסקין אַ טויטן. דערנאָך איז ער ווייטער געגאַנגען, ווי ס'וואָלט גאָרנישט געשען.

די צאָל בלוטיקע פֿאַרפֿאַלן אין דער געגנט פֿון מאַרשאַלקאָווסקע און נייוועלט איז געווען כּמעט אַ נישטיקע אין פֿאַרגלייך מיט דער גרויסער רשימה בלוטיקע קרבנות אין די יידישע גאַסן. אויב אויף קרולעווסקע, קראָקעווערפֿאָרשטאָט, האָט מען נאָך געזען פֿון צייט צו צייט פֿאַרבייגייער, זענען די יידישע גאַסן פֿון זעקס אַ זייגער אָן געווען פֿולשטענדיק אויסגעשטאָרבן. דער „קוריער וואַרשאַווסקי” פֿון 16טן אויגוסט איז מודה אַז „אין דעם יידישן קוואַרטאַל און אין וואָליע איז געווען פּוסט און אימהדיק. די גאַנצע באַוועגונג אין די דאָזיקע לעבעדיקע קוואַרטאַלן איז אויסגעשטאָרבן, די ראָלעטן זענען אַראָפּגעלאָזט און דאָס ליכט אין די פֿראָנטפֿענצטער איז אויסגעלאָשן”.

צוועלף ביי נאַכט זענען אין פּראָזעקטאָריום שוין געלעגן אויסגעלייגט 42 הרוגים פֿון דער ציווילער באַפֿעלקערונג. צו מאָרגנס האָבן די צייטונגען מודיע געווען אַז „אין די שפּיטאָלן שטאַרבן פֿיל פֿאַרוואונדעטע. די דאָקטוירים זאָגן אַז פֿינף און זיבעציק פּראָצענט פֿון די פֿאַרוואונדעטע איז שווער צו דערהאַלטן ביים לעבן”.

שוואַרץ־מאַהדיקע עצות

דער פּאָגראָם אויף דער פּאָליציי און מיליטער איז פֿאָרגעקומען אין אַ סך שטעט און שטעטלעך פֿון פּוילן. ר'איז נישט געווען אַזוי מאַסנהאַפֿט, נישט אַזוי אָרגאַניזירט, ווי אין וואַרשע, פֿון דעסט וועגן זענען אויף דער פּראָווינץ אויך געפֿאַלן אַ סך פּאָליציאַנטן און מיליטער־לייט און אויך דאָרטן האָט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן אָנגערייצט די ווילדע, זעלנערישע האָרדעס אויף דער ציווילער באַפֿעלקערונג.

אין לאָדזש האָבן די מיטגלידער פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע ביי דער פּפּ"ס אַריינגעשליידערט פֿינף באָמבעס אין אָרטיקן צירקל. דער גאַנצער לאָקאַל איז חרוב געוואָרן און עטלעכע פּאָליציאַנטן זענען דערהרגעט געוואָרן. באַלד דערנאָך האָבן זיך איבער די גאַסן אַרויסגעלאָזט מיליטערישע פּאַטרולן און גענומען שלאָגן און שיסן יעדן פֿאַרבייגייענדיקן. צוליב דעם וואָס אַ פּאַטרול האָט זיך אויסגעדוכט אַז פֿון אַ הויז אויף ניקאָלייעווער־גאַס האָט מען געשאָסן צו די סאָלדאַטן, איז דאָס גאַנצע הויז אַרומגערינגלט געוואָרן פֿון אַ מחנה זעלנער, מ'האָט אַרויסגעשלעפּט די איינוואוינער פֿון די וואוינונגען און געשלאָגן מכּות רצח יעדן איינעם. אַן אַלטן מאַן, וועלכער איז געלעגן געפֿערלעך קראַנק, האָבן די חיהשע סאָלדאַטן אַרויסגעשלעפּט פֿון בעט און אים אַזוי לאַנג געשלאָגן מיט די קאָלבעס, ביז ער איז אויסגעגאַנגען אונטער זייערע הענט.

שפּעט אין אָוונט האָט מען פֿון די גאַסן אַראָפּגענומען זעקס הרוגים, וועלכע זענען געפֿאַלן פֿון די סאָלדאַטישע קוילן און שפּיזן. דרייצן שווער פֿאַרוואונדעטע זענען אָפּגעפֿירט געוואָרן אין שפּיטאָל.

אין וולאָצלאַוועק איז באַלד אין דער פֿרי דערשאָסן געוואָרן דורך די „באָיאָווצעס” דער אָרטיקער פּאָליצמייסטער מיראַנאָוו. די שטאָט האָט אים שרעקלעך פֿיינט געהאַט. ער פֿלעגט הייסן שלאָגן אַרעסטירטע אַרבעטער און זיך באַרימט אַז ער האָט מיט דער אייגענער האַנט דערשאָסן אַן אַרבעטער וועלכער האָט אים אַנטקעגנגערעדט אַ וואָרט.

ווען מיראַנאָוו איז אַרויסגעגאַנגען פֿון זיין וואוינונג, האָט ער זיך ביי דער טיר אָנגעשטויסן אויף דריי יונגע־לייט. איינער פֿון די דריי יונגע־לייט האָט זיך געפֿרעגט מכלומרשט מיט אַן אונטערטעניקן טאָן:

— צי קאָן מען עפּעס בעטן ביי וואַשע בלאַהאָראָדיע?

— געגאַנגען, דאָ איז נישט מיין קאַנצעלאַריע! — האָט דער פּאָליצמייסטער אַ געשריי געטון צו דעם יונגן־מאַן און זיך געלאָזט גיין ווייטער.

אָבער אין דער זעלבער מינוט האָבן אַ בלאַנק געטון פאַר זיינע אויגן דריי רעוואָלווערן און איידער מיראָנאָוו האָט באַוויזן אַרויסצוכאַפּן זיין אייגענעם רעוואָלווער האָבן אָפּגעהילכט עטלעכע קנאַלן און דער פּאָליצמייסטער איז אַנידערגעפאַלן אַ טויטער אויפן אָרט. די אָנפאַלער זענען שנעל אַנטלאָפן. די אָנגעלאָפענע פּאָליציי האָט שוין קיינעם נישט געכאַפּט.

אין צוואַנציק מינוט אַרום זענען צום נאַטשאַלניק פון די סטראַזשניקעס אַריינגעקומען אין זיין וואוינונג צוויי יונגע־לייט און דערקלערט דעם סעקרעטאַר אַז זיי האָבן זייער אַ וויכטיקע מיטטיילונג פאַרן נאַטשאַלניק. ווען יענער איז אַרויסגעגאַנגען צו די יונגע־לייט, האָבן זיי אים באַגעגנט מיט אַ האָגל פון קוילן, אַוועקלייגנדיק אים אַ טויטן אויפן אָרט.

אין שטאָט זענען באַלד פאָרגעקומען אַרעסטן. פּאָליצייאישע און מיליטערישע פּאַטרולן האָבן מוראַדיק געשלאָגן יעדן פאַרבייגייער. די געוועלבער האָבן זיך תיכף פאַרהאַקט, דער עולם האָט גענומען איילן אַהיים און זיך פאַרמאַכט אין די וואוינונגען.

אין לובלין האָבן די „באָיאָווצעס" געוואָרפן אַ באָמבע אויף אַ פּאָליציי־צירקל. אין אָוונט האָט מען אויף דער וועניאַווסקע־גאַס פאַרוואונדעט צוויי סטראַזשניקעס און ביי דער באַנסטאַנציע האָט מען אַוועקגעלייגט אַ טויטן אַ זשאַנדאַרם.

אין לויוויטש האָט מען אין אָרטיקן שטאָטגאָרטן צען אַ זייגער אין אָוונט דערשאָסן צוויי סטראַזשניקעס. די אָנפאַלער זענען פאַרשוואונדן אין דער נאַכט־פינצטערניש.

אָנפאַלן אויף פּאָליציאַנטן און מיליטער־לייט זענען אויך פאָרגעקומען אין די שטעט: גאָמבין, נאָוואָמינסק, קוטנע, פּיאָטרקאָוו, שערלעץ א"א.

די טעראָריסטישע אַקציע פון דער פּעפּעסישער „באָיאָווקע" איז געווען אַ פּלאַנמעסיקע און אָרגאַניזירטע. דער אומלעגאַלער „ראָבאָטניק" פון 22טן אויגוסט 1906 האָט געשריבן: „דער מאַסן־פּאָגראָם אויף פּאָליציי אין טאָג פון 15טן ד"ח איז אַ ווייטערדיקער המשך פון דעם אָנגעהויבענעם קאַמף. די דאָזיקע אַקציע, וועלכע איז אויסגעפירט געוואָרן אָרגאַניזירט און פּלאַנמעסיק אויפן שטח פון גאַנצן לאַנד, האָט אַרויסגעוויזן די קאַמפּס־פעאיקייט פון פּראָלעטאַריאַט".

די דאָזיקע קאַמפּס־פעאיקייט פון די פּעפּעסישע „באָיאָווקע", וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין הרגענען עטלעכע צענדליק פּאָליציאַנטן און סאָלדאַטן, האָט געברענגט אויפן לאַנד אַ כוואַליע פון דער שטאַרקסטער רעאַקציע און האָט געשאַפן עטלעכע הונדערט פרישע קברים פון אומשולדיקע קרבנות... דער צאַרישער בער איז בלויז צערייצט געוואָרן און אַרויפגעלייגט זיין שווערע לאַפּע אויף דער באַפעלקערונג, זיך נוקם זייענדיק אויף אַ שרעקלעכן אופן אין קינדער און אַלטע לייט, אין אומשולדיקע פאַרבייגייער.

אין דעם זין האָט געשריבן דער דעמאָלטיקער אָרגאַן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פון פּוילן און ליטע: „נישט אַזוי דאַרף געפירט ווערן דער קאַמף מיט דער צאַרישער הידרע. איר וועט אָפּשניידן איין לאַפּע, וועט אויסוואַקסן באַלד די צווייטע, איר וועט דערהרגענען איין צאַרישן דינער, וועט אָנקומען אַ צווייטער, אַ פיל נעפערלעכערער. דעם פונדאַמענט פון צאַריזם דאַרף מען אונטערגראָבן — אָט דאָס איז דער וועג!"

אַ לענגערע צייט נאָכן בלוטיקן מיטוואָך האָבן די צייטונגען כסדר געשריבן וועגן דעם אַז די רעגירונג גייט איינפירן אין פּוילן באַלאַגערונגס־צושטאַנד. דאָס וואָלט געברענגט אַ נייע בלוטכוואַליע אויפן גאַנצן לאַנד. דעמאָלט וואָלט דאָס לעבן פון דער באַפעלקערונג אין פּוילן געוואָרן פולשטענדיק הפקר.

די שוואַרצע כוחות אין פּעטערבורג האָבן נישט גערוט. די בלוטיקע אָרגיעס וואָס סקאַלאָן האָט דעם 15טן אויגוסט איינגעאָרדנט אויף די וואַרשעווער גאַסן זענען פאַר זיי געווען ווייניק... זיי האָבן געפאָדערט אָנצואווענדן מיטל־אַלטערלעכע מיטלען. אַזוי האָבן די שוואַרץ־מאַהדיקע צייטונגען, ווי „נאָוואָיע ווריעמיאַ", „רוסקאָיע זנאַמיאַ", „ראָסיאַ" א"אַ געשריבן בזה הלשון:

„די אַלע מיטלען וואָס די רעגירונג ווענדט אָן אין פּוילן קעגן די אָנפאַלן אויף די פאַרשטייער פון פּאָליציי און מיליטער וועלן קנאַפּ וואָס העלפן און וועלן ווייניק אָנלערנען די דאָרטיקע איינוואוינער. כדי צו פאַרזיכערן זיך פון די ווייטערדיקע אָנפאַלן אויף דער פּאָליציי, דאַרף מען נעמען לעבעדיקע ערבות ביי דער באַפעלקערונג. אין יעדער שטאָט דאַרפן אַרעסטירט ווערן עטלעכע צענדליק מאַן און פאַר יעדן דערשאָסענעם פּאָליציאַנט דאַרף מען דערשיסן דריי פון די אַרעסטירטע. אויב דאָס וועט נישט העלפן, דאַרף מען כאַפּן די ערשטע, בעסטע מענטשן פון גאַס און זיי דערשיסן".

מיט אַזעלכע עצות זענען געקומען די רוסישע שוואַרץ־מאַהניקעס. און אויב קיין באַלאַגערונגס־צושטאַנד איז, נישט קוקנדיק אויף אַלע קלאַנגען, דאָך נישט איינגעפירט געוואָרן, אויב קיין לעבעדיקע משכנות פון דער באַפעלקערונג זענען נישט גענומען געוואָרן, איז דער טאָג פון בלוטיקן מיטוואָך געווען אַן אָנהייב פון שווערע, בלוטיקע רעפּרעסיעס. מיטן טאָג פון 15טן אויגוסט איז נאָך נישט פאַרענדיקט געוואָרן די רשימה פון די קרבנות וועלכע זענען געפאַלן פון די הענט פון די „וואָלינצעס".

אין די אַנדערע טעג

ווי אַזוי האָט וואַרשע אויסגעזען שפּעט אין אָוונט, אין דעם שרעקלעכן אָוונט פון דעם בלוטיקן טאָג? אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ פּוילישער צייטונג, וועלכער האָט מיט סכנות פאַר זיין אייגן לעבן געמאַכט אַ באַזוך אין יידישן קוואַרטאַל, שילדערט אַזוי דאָס אויסזען פון די גאַסן:

„ס'איז עלף דער זייגער. די לאַמטערנעס ברענען. פון דער ווייטנס הערט מען דאָס הילכיקע קלאַפּן פון די זעלנערישע שטיוול אין די פּליטעס פון טראָטואַר. זיי שרייען עפּעס צו אימעצן, ס'הערן זיך עכט־רוסישע זידלערייען. דערנאָך אַ יאָמערלעך געשריי. איך ציטער אויף, איך רוק זיך אַריין אין אַ ווינקל פון אַ טויער. דאָס געשריי ווערט שטאַרקער און בויערט דורך דעם מוח. איך גיי ווייטער. אין אַ סך ערטער באַמערק איך גרויסע בלוטפלעקן, עס וואַלגערט זיך אַ פאַרבלוטיקטער הוט, אויף דער מויער פון אַ הויז — בלוט. אַ שרעק! איך קוק מיך אום — די פענצטער זענען פאַרהאַמערט, — פינצטער, ווי דאָרטן, הינטער זיי, וואָלטן אַלע אויסגעשטאָרבן. אַ בלוטיקער קאָשמאַר הענגט איבער די דאָזיקע גאַסן און ליגט זיך שווער אויף דער נשמה. וועלן נאָך די דאָזיקע גאַסן צוריק אויפלעבן? וועט מען נאָך זען אויף זיי מענטשן? ס'איז אַזוי שווער דערין צו גלייבן ווען דו קוקסט אָן דעם דאָזיקן בית־עולם!"

קיינער האָט זיך אין דער דאָזיקער נאַכט נישט געלייגט שלאָפן. מ'האָט זיך צוגעשלייכט צו די פענצטער און אַרויסגעקוקט: וואָס הערט זיך? שיסט מען נאָך, שעכט מען נאָך? מ'האָט זיך דערציילט איינער דעם אַנדערן שוידערלעכע פּרטים פון פאַרגאַנגענע טעג, און בעתן דערציילן האָבן די צוהערער פאַרבראָכן מיט די הענט און שווער געזיפצט.

מיט ציטערניש און שרעק האָט מען דערוואַרט דעם מאָרגנדיקן טאָג. ווער ווייסט וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג קאָן ברענגען? צי וועט מען ווייטער מוזן זיצן אין שטוב, צי וועלן ווייטער די „וואָלינצעס" ווילדעווען איבער די גאַסן פון דער שטאָט?

דאָנערשטיק אין דער פרי האָבן זיך געעפנט די טויערן. דער עולם האָט זיך ביסלעכווייז גענומען אַרויסשלייכן אויף דער גאַס. איינער דעם אַנדערן האָט אָנגעוויזן אויף די בלוטפלעקן וואָס מ'האָט באַמערקט אויף פאַרשידענע ערטער. ווי היישעריקן האָבן זיך מענטשן געוואָרפן אויף די פרימאָרגן־צייטונגען און געלייענט די פּרטים וועגן דעם שרעקלעכן טאָג. אַלע צייטונגען זענען אַרויס מיט גרויסע קעפּלעך: „דער בלוטיקער טאָג", „דאָס נעכטיקע בלוטבאָד", „דער מוראַדיקער טאָג".

אַרום צוועלף אַ זייגער ביי טאָג האָבן זיך די „וואָלינצעס" ווידער באַוויזן אין גאַס. און הגם זיי האָבן נישט געמאָרדעט מיט אַזאַ ווילדקייט ווי אין טאָג פון 15טן אויגוסט, זענען פון דעסט וועגן געפאַלן עטלעכע דערשאָסענע און צעשטאָכענע פאַרבייגייערס.

באַזונדער בלוטיק און טראַגיש האָט זיך געענדיקט אַ קאַטוילישע פּראָצעסיע וועלכע האָט זיך אין דעם טאָג צוריקגעקערט פון טשענסטאָכאָוו. אימעצער האָט לעבן דער פּראָצעסיע, וועלכע האָט זיך געפונען אויף כלאָדנע־גאַס, אונטערגעוואָרפן אַ פּעטאַרדע. די פּעטאַרדע האָט אויפגעריסן מיט אַ הילכיקן קנאַל.

אַן אָפּטיילונג „וואָלינצעס", מיינענדיק אַז מ'האָט פון דער פּראָצעסיע געוואָרפן אַ באָמבע, האָט אָן שום וואָרענונג געעפנט אויפן געדיכטן עולם אַ שיסעריי. ס'איז אַנטשטאַנען אַ מוראדיקע בהלה. איינער האָט געטרעטן אויפן אַנדערן, פרויען האָבן געחלשט און ספּאַזמירט, — פאַרוואונדעטע האָבן געקרעכצט און גערופן הילף. מענטשן זענען ווילד געוואָרענע געלאָפן אין אַלע זייטן. מ'האָט געטרעטן אויף די הרוגים, אויף פאַרוואונדעטע, די געשרייען און די געוואַלדן האָט מען געהערט אין דער גאַנצער געגנט.

אויך דער פרייטיקדיקער און שבתדיקער טאָג האָבן געבראַכט אַ סך קרבנות. דער בלוטיקער שניט האָט זיך נאָך נישט געהאַט געענדיקט.

פרייטיק איז געמאַכט געוואָרן אַן אַטענטאַט אויפן גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן. ווען דער גענעראַל־גובערנאַטאָר איז דורכגעפאָרן אויף דער נאַטאַלינסקע־גאַס, האָט מען פון אַ פענצטער אַראָפּגעוואָרפן אויף אים צוויי באָמבעס. דער צאַרישער סאַטראַפּ האָט אָבער געהאַט גליק. ער איז אַרויס גאַנץ און אומבאַשעדיקט.*)

דער דאָזיקער אַטענטאַט האָט דעם צאַרישן תלין אַריינגעבראַכט אין אַ שרעקלעכן צאָרן. ער האָט באַפוילן זיינע אָפיצירן צו באַגיין זיך מיט דער באַפעלקערונג „אָן רחמנות און ריקזיכטלאָז". די סאָלדאַטן פון וואָלינער פּאָלק האָבן זיך ווידער אַרויסגעלאָזט איבער די גאַסן, אין פּיקעטן, צו צען און פופצן מאַן מיט אַ מאָל. ס'איז גענוג געווען אַז אימעצער זאָל זיי נישט געפעלן און יענער זאָל דערשאָסן ווערן אָן אַ פאַרוואָס.

צוועלף אַ זייגער ביי טאָג האָט זיך אויף באַנקפּלאַץ באַוויזן אַ פּאַטרול פון פופצן „וואָלינצעס". זיי האָבן אָפּגעשטעלט די פאַרבייגייער און יעדן איינעם רעווידירט. באַזונדער שטאַרק זענען רעווידירט געוואָרן די אַלע וואָס האָבן געטראָגן שוואַרצע פּעלערינעס. פאַרשטייט זיך אַז דערביי זענען זיך די געזונטע, פעסטע סאָלדאַטן נישט באַגאַנגען אָן קיין געזונטע, פעסטע קלעפּ...

ס'גייט אַדורך אַ יונגער־מאַן אין אַ שוואַרצער פּעלערינע. אַ „וואָליניעץ" שטעלט אים אָפּ מיט אַ געשריי:

— העי, וו'עטאַם נעלזיאַ! (אין דעם טאָר מען נישט גיין אָנגעטון).

— אָבער מיר איז דאָך קאַלט! — ענטפערט דער בחור אין דער פּעלערינע, באַהאַלטנדיק אַ שמייכל אין די ווינקלען פון מויל.

— ס'וועט דיר באַלד זיין הייס, — ענטפערט דער סאָלדאַט און, אַראָפּרייסנדיק פון דעם יונגן־מאַן די פּעלערינע, נעמט ער האַקן איבער זיין קאָפּ מיט דער קאָלבע ביז דער יונגער־מאַן פאַלט אָנידער אַ פאַרבלוטיקטער אויף דער ערד.

ס'גייען פאַרביי דריי יונגע־לייט. איינער פון זיי, נישט קאָנענדיק צוזען די רציחהדיקע האַנדלונג פון סאָלדאַט, פרעגט מיט כעס:
— פאַר וואָס שלאָגסטו אַזוי, דו כאַמישע מאָרדע?

די דריי יונגע־לייט, וויסנדיק וואָס זיי דערוואַרט פון אַזאַ באַמערקונג, נעמען שנעל אַנטלויפן. די סאָלדאַטן הייבן זיי אָן נאָכצויאָגן און נאָכצושיסן. די יונגע־לייט איז געלונגען זיך צו באַהאַלטן אין אַ טויער. די סאָלדאַטן האָבן אָבער ווייטער געשאָסן אין אַלע זייטן, נישט קוקנדיק דערויף וואָס אויף דער גאַס האָבן זיך געפונען אַ סך מענטשן.

אויף עק פּשעכאָדניע און אייזערנער טויער איז געשטאַנען דער 18יאָריקער משה שפּיראָ, אַ קעלנער. הערנדיק די שיסעריי האָט ער שוין געוואָלט צוריק אַריינלויפן אין רעסטאָראַן, לעבן וועלכן ער איז געשטאַנען. אָבער אין דער זעלבער סעקונדע האָט אים אַ קויל דורכגעשאָסן אין דער לינקער זייט פון ברוסטקאַסטן און ער איז אַנידערגעפאַלן, באַגיסנדיק זיך מיט בלוט. נישט ווייט פון אים האָט אַ קויל דערהרגעט אַ יונג, קריסטלעך ייִנגל.

די צאָל קרבנות פון פרייטיקדיקן טאָג איז געווען זייער גרויס.

שבת, דעם 18טן אויגוסט, האָבן זיך יידן ווייניק באַוויזן אין גאַס. די יידישע גאַסן, וועלכע זענען אַלע מאָל אין אַ שבתדיקן טאָג פול מיט שפּאַצירנדיקע, האָבן איצט אויסגעזען פוסט און ליידיק. מ'האָט זיך באַוויזן אין גאַס נאָר אין אַ נויטיקן פאַל. אָבער נישט קוקנדיק דערויף זענען פון די רוצחישע הענט ווידער געפאַלן עטלעכע יידישע קרבנות. דעם שווערסטן איינדרוק אין דער יידישער געגנט האָט געמאַכט דער קרבן יודל מאַניקאָוו.

שבת פאַר נאַכט איז ער געזעסן ביים אָפענעם פענצטער פון זיין וואוינונג אויף פּאַוויע 30. ער האָט געלייענט וועגן די שרעקלעכע געשעענישן אין בלוטיקן מיטוואָך און שווער אָפּגעזיפצט. ער איז געווען אַזוי פאַרטון אין לייענען אַז ער האָט גאָרנישט באַמערקט וואָס אויף דער גאַס קומט פאָר. ער האָט נישט באַמערקט ווי אַ „וואָליניעץ" האָט צוגעשטעלט די ביקס צום אַקסל און זיך געצילט גלייך צום „זשיד". פאַר וואָס? וואָס האָט ער געהאַט צו דעם שטילן, רואיקן יודל מאַניקאָוו וועלכער איז געווען באַליבט אין דער גאַנצער געגנט? „ס'איז אַ זשיד — דאַרף מען אים דערהרגענען!" — האָט דער טעמפּער, אַנגערייצטער „וואָליניעץ" געטראַכט, און אַ צי געטון פאַרן צינגל פון דער ביקס.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קנאַל. מאַניקאָוו האָט שוין נישט באַוויזן אָוועקצוכאַפּן דעם קאָפּ. די קויל האָט אים דורכגעלעכערט די שלייף. ער איז אַראָפּגעפאַלן פון דער שטול מיט דער צייטונג אין דער האַנט. די שטובמענטשן זענען צו אים צוגעלאָפן. מאַניקאָוו איז שוין געווען טויט.

אַ טרויער האָט אַרומגענומען די גאַנצע באַפעלקערונג. אין די לעצטע לויות פון די קרבנות האָבן אָנטייל גענומען טויזנטער מענטשן. אויפן בית־עולם האָבן זיך אָפּגעשפּילט די האַרץ־רייסנדיקסטע סצענעס. מאָנטיק, דעם 20טן אויגוסט, האָבן יידן גוזר טענית געווען: די באַפעלקערונג איז געווען נידערגעשלאָגן, פול מיט מורא, פון אַלעמענס אויגן האָט אַרויסגעקוקט שרעק און צער.

אין „יידישן טאָגבלאַט" פון 20טן אויגוסט, לייענען מיר פאָלגנדיקן שווידערלעכן סך־הכל פון דעם בלוטבאָד:

„אַלע קרבנות, וועלכע זענען געפאַלן אין מיטוואָכדיקן טאָג אָדער זענען געשטאָרבן פון די וואונדן וואָס זיי האָבן באַקומען אין דעם בלוטיקן טאָג*), האָט מען שוין מקבר געווען. די פּאָליציי האָט זיך דאָס מאָל נישט אַריינגעמישט אין די לויות. אַלע טויטע קערפּערס האָבן די קרובים דערקענט און מ'האָט זיי אַרויסגעגעבן. די צאָל פון יידישע געהרגעטע וואָס מ'האָט מקבר געווען אויפן וואַרשעווער בית־עלמין איז 45, און אויף פּראַגע — 5".

דאָס איז געווען דער שרעקלעכער, בלוטיקער סך־הכל פון דעם טאָג וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע אַלס איינער פון די בלוטיקסטע, מוראדיקסטע טעג אין וואַרשע, אין די יאָרן 1905—1906.

„דער בלוטיקער מיטוואָך" האָט אַ לאַנגע צייט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ שווערן, בלוטיקן און פינצטערן קאָשמאַר.

---

*) זע די אַרבעט פון סלאָנימסקי „דער אַטענטאַט אויפן גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן", פּנקס וואַרשע.

*) דאָ רעדט זיך בלויז וועגן די יידישע קרבנות.

מיר גיבן דאָ פאַר אונדזערע לייענער אַ רשימה פון די אומגעקומענע יידן, וואָס זייערע נעמען איז געלונגען פעסטצושטעלן. אין דער דאָזיקער רשימה וועלן אַ סך פון אונדזערע לייענער, אוודאי, געפונען באַקאַנטע און קרובים, וועלכע זענען אין יענעם שרעקלעכן טאָג געפאַלן פון די רוצחישע הענט.

1) יהודית הירשמאַן, 33 יאָר אַלט.
2) שלום ראָזענבערג, 26 יאָר אַלט.
3) יעקב דאָרפמאַן, 18 יאָר אַלט.
4) משה דאָרפמאַן, 18 יאָר אַלט.
5) יונה־יוסף פרידלאַנד, 21 יאָר אַלט.
6) מאיר מאָשקאָוויטש, 25 יאָר אַלט.
7) יוסף הימלשטיין, 30 יאָר אַלט.
8) פרומע קאָרנבערג, 64 יאָר אַלט.
9) יוסף גרינבערג, 41 יאָר אַלט.
10 זלמן באַלבערג, 13 יאָר אַלט.
11) שמואל אָסטראָווסקי, 43 יאָר אַלט.
12) נאָטע ראדאָצקי, 13 יאָר אַלט.
13) משה שמוקלער, 30 יאָר אַלט.
14) יידל מאַגיד, 24 יאָר אַלט.
15 נח פישביין, 17 יאָר אַלט.
16) חיה שיכטע, 40 יאָר אַלט.
17) יעקב קאָסמאַן, 34 יאָר אַלט.
18) חיה בריליאַנטשטיין, 61 יאָר אַלט.
19) חוה מערענשטיין, 56 יאָר אַלט.
20) חיה־לאה גוטמאַן, 19 יאָר אַלט.
21) יוטע יאַזשעמבסקי, 70 יאָר אַלט.
22) משה ווייספאָגעל, 23 יאָר אַלט.
23) אַביש ווייספאָגעל, 29 יאָר אַלט.
24) שמואל זייבערט, 29 יאָר אַלט.
25 לייזער ראָזוואַדאָווער, 43 יאָר אַלט.
26) שלמה זאַנדמאַן, 39 יאָר אַלט.
27) נעכע וויראָסלאַוו, 16 יאָר אַלט.
28) יחזקל אַבערמאַן, 18 יאָר אַלט.
29) פרומע קאַלינער, 10 יאָר אַלט.
30) שלמה לעדערמאַן, 19 יאָר אַלט.
31) יחזקאל פינטשוק, 18 יאָר אַלט.
32) יידל מאַניקאָוו, 42 יאָר אַלט.
33) ראובן זיידמאַן, 16 יאָר אַלט.
34) בנימין ביטער, 25 יאָר אַלט.
35) אברהם בראָדער, 49 יאָר אַלט.
36) מאָטל מלינאַרסקי, 16 יאָר אַלט.
37) לייזער זילבערקנאָפּ, 20 יאָר אַלט.
38) יעקב יוסף בירענצווייג, 19 יאָר אַלט.
39) יצחק איזאַקסאָן, 32 יאָר אַלט.



דער בנין פון דער ווארשעווער געמינע

ניר

דער אָנהייב פון דער פּועלי-ציוניסטישער באַוועגונג אין וואַרשע

נאָכן זעקסטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין יאָר 1903 אין באַזעל, ווו די גאַנצע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך, צוליב דער אוגאַנדאַ-פּראַגע, צעטיילט אויף ניין-זאָגער און יאָ-זאָגער, איז אין די ציוניסטיש-דעמאָקראַטישע קרײַזן אין וואַרשע אויפגעהויבן געוואָרן אַ דיסקוסיע מכּוח פּאַלעסטינע גופא. צו יענער צײַט זענען אין וואַרשע געווען אַ פּאָר ציוניסטישע קרײַזלעך, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן בײַם פּראָגראַם פון דער אַזוי גערופענער „דעמאָקראַטישער פראַקציע" פון פינפטן קאָנגרעס, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך לעאָן מאָצקין, חיים ווייצמאַן און אַבערסאָן. די קרײַזלעך אין וואַרשע זענען באַשטאַנען פון פאַרשידענע עלעמענטן: די סטודענטישע „קדימה", דער פרויענקרײַז „דבורה", אַרבעטער-קרײַז „התחיה", יוגנטקרײַז „מתתיהו" און נאָך אַנדערע קלענערע. דער יוגנטקרײַז „מתתיהו" האָט אייגנטלעך נישט געשפּילט קיין ראָלע, פון אים זענען אָבער אַרויס אַ פּאָר שפּעטערדיקע טוער אין דער אַרבעטער-באַוועגונג, ווי יצחק טאַבענקין פירער פון „אחדות העבודה" אין פּאַלעסטינע, און אַנד.

סוף 1903 זענען אויף נאָוואָליפּקע 24 פאָרגעקומען פאַרביסענע דיסקוסיעס צווישן די מיטגלידער פון די דרײַ ציוניסטיש-דעמאָקראַטישע קרײַזן. ווי איך דערמאָן מיך, האָבן אין די וויכוחים אָנטייל גענומען: יצחק גרינבוים, אָלשוואַנגער (ביידע ברידער), האַרטגלאַס, זײַדענמאַן און אַנדערע פון „קדימה", אייניקע מיטגלידער פון „דבורה", די ברידער לעשטשינסקי (יעקב און יוסף) און דאַכט זיך נאָך אַ יוסף, שלמקע זוסמאַן (דעמאָלט נאָך אַ חסידישער ייִנגערמאַנטשיק אין אַ קאַפּאָטע), שפּרינצאַק פון „התחיה" (איצט פירער פון הפועל-הצעיר אין פּאַלעסטינע) און אַנדערע.

די דיסקוסיעס האָבן זיך געצויגן גענוג לאַנג און צו קיין רעזולטאַטן נישט געבראַכט. יעדער איז געבליבן בײַ דאָס זײַניקע. די גרופּעס אַלס גאַנצע זענען געבליבן פּאַלעסטינישע, נאָר אייניקע מיטגלידער זענען אַוועק און האָבן מיטגעהאָלפן שאַפן די ציוניסטיש-סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, הגם זיי האָבן זיך נאָך אַ לאַנגע צײַט גערופן פּועלי-ציון, נישט געקוקט אויף זייער טעריטאָריאַליזם.

אין „קדימה", צו וועלכער איך האָב געהערט, האָט מען זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיט די פּאַלעסטינער פּועלי-ציון. אין וואַרשע גופא זענען נאָך אַזעלכע נישט געווען בנמצא. קיין ליטעראַטור איז אויך נישט געווען, און ווען מיר איז סוף 1904 אויסגעקומען צו רעפערירן אין „קדימה" וועגן פּועלי-ציון, האָב איך זיך געמוזט באַנוגענען נאָר מיט תורה שבעל פה.

אין רוסלאַנד האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן די עפּאָכע פונעם אַזוי גערופענעם פרילינג, ווען מיניסטער פון אינערן איז געוואָרן סוויאַטאָפּאָלק-מירסקי. אין אַלע קרײַזן איז געשטיגן דער אינטערעס צו דער אַלגעמיין-רוסלענדישער פּאָליטיק, און די יאַנואַר-טעג (דער 9טער יאַנואַר פון 1905) האָבן זיך אָפּגערופן אין אַלע גרעסערע שטעט מיט אַ ריי סטודענטישע אַרויסטרעטונגען און אַרבעטער-קרײַזן.

מיר, וואַרשעווער סטודענטן, האָבן, פאַרשטייט זיך, אויך געשטרײַקט, נאָך אַ סכאָדקע דעם 15טן יאַנואַר אין אוניווערסיטעט, אויף וועלכער עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאָדערן „צוויי קאָנסטיטואַנטעס" — אַ גרינדונגס-פאַרזאַמלונג אין פּעטערבורג און אין וואַרשע. דעם אוניווערסיטעט האָט מען פאַרמאַכט און די סטודענטן האָבן זיך פאַרנומען . . . נאָך מער מיט פּאָליטיק.

די געזעלשאַפטלעכע אויפלעבונג פון יענע טעג האָט אויך פאַרן ציוניזם בולטער געמאַכט די נויטווענדיקייט זיך מערער אָפּצוגעבן מיט אָרטיקער פּאָליטיק: יעדן פאַלס פאַרבינדן מער דעם פּאַלעסטינישן אידעאַל מיט דער „קעגנוואַרט-אַרבעט".

צו יענער צײַט האָט מען עפּעס אָנגעהויבן צו רעדן אין אונדזערע קרײַזן וועגן אַ גרופּע פּועלי-ציון וואָס איז אַנטשטאַנען אין „התחיה". די גרופּע איז אָבער עפנטלעך אַרויסגעטרעטן ערשט אין אַפּריל-מײַ 1905, ווען זי האָט זיך אָפּגעשפּאָלטן פון „התחיה" און אַליין פאַר זיך געוויילט אַ דעלעגאַט (בן-ציון ראַסקין) צום 7טן ציוניסטישן קאָנגרעס. די גרופּע איז באַשטאַנען פון אַן ערך 70 מאַן, דורכויס אַרבעטער מיט אַ פּאָר אינטעליגענטן בראָש: בן-ציון (ראַסקין), יצחק ט. (טאַבענקין), און אַלטער גאָטליב (דער איצטיקער גאָטליב פון ניו-יאָרקער „פאָרווערטס").

בן-ציון ראַסקין, דער עלטסטער צווישן זיי, אַ מענטש פון אַ יאָר 30, אַ לערער, מיט געוויסע ליטעראַרישע פעיִקייטן (ער האָט אין די שפּעטערע יאָרן איבערגעזעצט אין ייִדיש „האַיאַוואַטאַ" פון לאָנגפעלאָ) און אַ ביסל וויסנשאַפט. ער פלעגט אַ מאָל אַרויסזאָגן אַ גאַנץ טיפן געדאַנק. דאָס פלעגט אָבער פּאַסירן גאַנץ זעלטן, ס'רוב פלעגט ער אַרויסווײַזן נישט קיין שנעלע אָריענטאַציע. דערצו האָט ער פאַרמאָגט אַ פאַרביסענע אַמביציע. ווי מיר דאַכט זיך, האָט זײַן אויטאָריטעט דעמאָלט זיך באַזירט נישט אַזוי אויף זײַנע אייגענע מעלות, ווי אויף דעם וואָס יצחק טאַבענקין האָט אין אים געגלויבט.

יצחק איז געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר 19. ער האָט זיך געקענט טיף אַרײַנגריבלען אין יעדער זאַך; אַ גלענצנדיקער אַגיטאַטאָר מיט אַ גרויסער איבערצײַגונגס-קראַפט. די לעצטע איז געלעגן מער אין זײַן טיפן באַגײַסטערטן גלויבן, אין זײַן פעיִקייט צו באַגײַסטערן אַנדערע, ווי אין דער לאָגיק פון דענקען. מיט זײַנע פײַערדיקע, עקזאַלטירטע אויגן און גליִענדיקן טעמפּעראַמענט איז ער געוואָרן דער ליבלינג פון אַלע חברים און זייערע פירער.

אָט די צוויי מענטשן זענען עס געשטאַנען בראָש פון דער פּועלי-ציון-גרופּע וואָס האָט זיך דעמאָלט אַ נאָמען געגעבן „די ייִדישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע פּועלי-ציון אין וואַרשע".

די וויכטיקסטע פראַגע וואָס מען האָט געדאַרפט באַשליסן אויפן 7טן ציוניסטישן קאָנגרעס איז געווען: פּאַלעסטינע אָדער אַ טעריטאָריע בכלל. אוגאַנדאַ אַלס אַזעלכע, איז שוין אַראָפּ פון סדר היום, הגם אויפן קאָנגרעס האָט מען נאָך געדאַרפט אויסהערן דעם באַריכט פון דער קאָמיסיע. אָבער די ציוניסטישע אומשולד איז שוין אָנגערירט געוואָרן דורך אוגאַנדאַ, און עס איז אַנשטאַנען די טעריטאָריאַליסטישע טעאָריע, סײַ אין די בירגערלעכע, סײַ אין די פּראָלעטאַרישע קרײַזן. האָבן זיך, בכן, ביידע צדדים, דער פּאַלעסטינישער און דער טעריטאָריאַליסטישער, געגרייט צום לעצטן אַנטשיידענעם קאַמף, און יעדער צד האָט געזוכט אַרײַנצוקריגן וואָס מער אָרגאַניזאַציעס און דורך זיי מאַנדאַטן.

אין וואַרשע איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אַ קאָמיטעט פון די פּאַלעסטינצעס, די אַזוי גערופענע „ציוני-ציון". אַלע „ציוני-ציון" זענען זיך צונויפגעקומען אוף אַ קאָנפערענץ אין פרײַבורג (באַדען) ווו איך בין אויך געווען אַלס דעלעגאַט. אין 1905 בין

איך אָפּגעפאָרן קיין ציריך, און דער קאָמיטעט „ציוני־ציון" האָט מיר פאַרשאַפט אַ מאַנדאַט פון מאַריאַמפּאָל. דער מאַנדאַט איז געווען אַן אימפּעראַטיווער בנוגע דער פראַגע וועגן פּאַלעסטינע.

עס דערמאָנט זיך מיר אַז ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל אַרייַן אין זאַל פון דער פּאַרקאָנפערענץ אין פרייַבורג, איז צו מיר ממש צוגעלאָפן אַ מיידל פון אַ יאָר 20-21, מיטעלן וווּקס, אין פענסנע,רחל גאָלדין־ינאית (איצט אין פּאַלעסטינע) און מיר אויף רוסיש אַ פרעג געטאָן צי איך בין אַ פּועלי־ציון. צוגעגאַנגען דווקא צו מיר איז זי וואַרשיינלעך דערפאַר וואָס איך בין געגאַנגען אָנגעטון אין אַ שוואַרצער רוסישער בלוזע.

איך האָב זיך אין דעם מאָמענט געפונען אין אַ פאַרלעגנהייט. עס האָט זיך מיר שטאַרק געוואָלט צושטיין צו דער פראַקציע פּועלי־ציון, איך האָב אָבער נישט געקאָנט פאַרדייען דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם און זיך געהאַלטן פאַר אַן אויסגעשפּראָכענעם אָנהענגער פון דואַליזם. ווי נאָר איך האָב איר געענטפערט אַז איך בין נישט קיין היסטאָרישער מאַטעריאַליסט, איז זי גלייַך נעלם געוואָרן.

צווישן די פּועלי־ציון־דעלעגאַטן געדענק איך באָראָכאָוון, וועלכן איך האָב שוין געזען אין וואַרשע אין פרילינג 1904, ווען ער איז אַרויסגעטרעטן מיט אַ גלענצנדיקן רעפעראַט, אָבער נישט אַלס פּועלי־ציון (באָראָכאָוו האָט זיך צו יענער צייַט דערווייַטערט פון די פּועלי־ציון אין דרום־רוסלאַנד צוליב פּרינציפּיעלע טעמים, וועגן וועלכער ער שרייַבט אין זייַן בראָשור וועגן דער „עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון ייִדישן פאָלק"). אחוץ באָראָכאָוון געדענק איך כאַשינען (דעמאָלט באָרוכסאָן), קיווינען, זאַקהיימען, מאַטעס לעוואָסקין, דוויד ראַפּאָפּאָרטן, סאָפיע גרינבערג, כעלמערן (שוין געשטאָרבן) און אַנדערע.

דער וואַרשעווער דעלעגאַט בן־ציון האָט זיך אויך געהאַלטן פון ווייַטן פון דער גרופּע פּועלי־ציון צוליב גאָר אַן אַנדער מאָטיוו. אין דער גרופּע האָט געהערשט דער אַזוי גערופענער „פּראַקטישער פּאַלעסטיניזם"; זיי האָבן אָנערקענט פּאַלעסטינע צוליב פּראַקטישע טעמים. אין וואַרשע אָבער איז די גרופּע באַשטאַנען פון אַזוי גערופענע פּרינציפּיעלע פּאַלעסטינצעס, פאַר וועלכע פּאַלעסטינע האָט געשפּילט אַ ראָלע אַ סך מער צוליב ריין אידעאָלאָגישע מאָמענטן, וועלכע זיי האָבן זיך באַמיט צו באַגרינדן ריין מאַרקסיסטיש. דאָס איז געווען די סיבה פאַר וואָס סייַ בן־ציון דעמאָלט און סייַ שפּעטער די פּוילישע פּועלי־ציון בכלל האָבן זיך פאַרהאַלטן זייער קאַלט און פאָרזיכטיק צו די רוסישע פּועלי־ציון.

דער אונטערשיד צווישן דעם פּראַקטישן און פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם איז באַשטאַנען אין דאָס ווייַטערדיקע: די רוסישע פּועלי־ציון זענען געווען פּרינציפּיעלע טעריטאָריאַליסטן. אין דעם אַנאַליז פון דער ייִדישער ווירקלעכקייט זענען זיי דערגאַנגען ביז דער היסטאָרישער נויטווענדיקייט פון אַ קאָנצענטרירטער עמיגראַציע אויף אַ טעריטאָריע, און פון אַלע אַנדערע טעריטאָריעס האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף פּאַלעסטינע אַלס דאָס פּאַסיקסטע און געאייגנטסטע לאַנד פאַר דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע. פּאַלעסטינע איז אין פּראָגראַם פון די פּראַקטישע פּאַלעסטינצעס געקומען נישט אַזוי פיל פון אינערלעכע באַדינגונגען, פון דער אינערלעכער נויטווענדיקייט פון ייִדישן לעבן, וויפל פון דער אויסערלעכער מעגלעכקייט, ווייַל באַדינגונגען וואָס ליגן אויסער דעם ייִדישן לעבן מאַכן פּאַלעסטינע גינסטיקער. די פּרינציפּיעלע פּאַלעסטינצעס האָבן אַרייַנגענומען פּאַלעסטינע אַלס אינגרעדיענט פון ייִדישן לעבן. הגם זיי זענען געווען אויסגעהאַלטענע מאַרקסיסטן, נישט ערגער ווי פּראַקטישע, האָבן זיי דאָך אָנערקענט אַז דער אידעאָלאָגישער מאָמענט — דער צובינד פון פאָלק צום לאַנד — קאָן און מוז שפּילן אַ גרויסע ראָלע בייַ קאָלאָניזאַציע. זיי האָבן געטענהט אַז דער דאָזיקער מאָמענט האָט, אמת, אונטער זיך נישט קיין פּאָזיטיוון עקאָנאָמישן הינטערגרונט אין ייִדישן לעבן, ער האָט אָבער אַ נעגאַטיוון עקאָנאָמישן יסוד — דאָס נישט־צופּאַסן זיך, דאָס נישט־אַרייַנדרינגען פון אַלע שיכטן פון ייִדישן פאָלק אין די געהעריקע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די אַרומיקע פעלקער.

אַלס אַ געוויסע פּשרה צווישן דעם פּראַקטישן און פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם איז געקומען דער דעמאָלטיקער אַזוי גערופענער „פּראָגנאָסטישער פּאַלעסטיניזם" באָראָכאָווס (אין „אונדזער פּלאַטפאָרם"), וועלכער האָט זייער נישט באַפרידיקט די פּרינציפּיעלע פּאַלעסטינצעס. דער קאַמף צווישן די פאַרשידענע באַגרינדונגען פון פּאַלעסטיניזם, וואָס האָט לכתחילה שיִר נישט געפירט צו אַ שפּאַלטונג, איז געווען פאַרשטענדלעך אין אָנהייב, בייַ די ערשטע טריט פון דער באַוועגונג. מיט דער צייַט, ווען די באַוועגונג איז אויסגעוואַקסן סייַ אידעאָלאָגיש, סייַ פּאַקטיש, האָט דער דאָזיקער קאַמף פאַרלוירן זייַנע שאַרפע פאָרמען, און הגם די אָפיציעלע שטעלונג פון דער פּאַרטיי איז אַ „פּראָגנאָסטישע", שטערט דאָס אָבער נישט צו זייַן אין דער באַוועגונג פיל חברים וואָס טראַכטן וועגן דעם אַנדערש. פּאַלעסטינע איז שוין אַרויס פון געביט פון טעאָריעס און איז געוואָרן אַ רעאַלער פאַקטאָר.

די פראַקציע פּועלי־ציון האָט סייַ אין פרייַבורג, סייַ אויפן קאָנגרעס גופא אין באַזעל, נישט געשפּילט קיין וויכטיקע ראָלע. ווי חברים האָבן מיר שפּעטער איבערגעגעבן, איז נאָכן קאָנגרעס פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די פּועלי־ציון אין דער שווייץ און באַלד נאָך דעם האָט זיך די פירנדיקע גרופּע אָנגעשטעקט מיטן סיימיזם. עס האָט דעמאָלט אָנגעהויבן דער ברודערקאַמף אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג, ווען אַלטע פּועלי־ציון־אָרגאַניזאַציעס, ווי אין יעקאַטערינאָסלאַוו, וויטעבסק און אַנדערע שטעט, זענען אַריבער צו די סיימיסטן.

די טרייַ־געבליבענע פּאַלעסטינצעס האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פּריוואַטע באַראַטונג אין בערלין (אין אויגוסט 1905). דאָ האָט עס מיך באָראָכאָוו צוגעצויגן צו דער אַרבעט. אונטער זייַן השפּעה בין איך אין משך פון אַ קורצער צייַט געוואָרן אַ „היסטאָרישער מאַטעריאַליסט".

באָראָכאָוו האָט צוגעצויגן אַלעמען מיט זייַנע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן. עס האָט זיך געפילט בייַ אים די „ליבע צום נאָענטן", וואָס איז אַזוי זעלטן אַפילו בייַ אַ סך פון די וואָס זענען אַדורכגעדרונגען מיט דער „ליבע צום ווייַטן" — צו דער גאַנצער מענטשהייַט. באָראָכאָוו פלעגט אַרייַנגיין אין אַלע קליינע לייַדן פון יעדן פון אונדז און באַמיִען זיך אונדז צו העלפן מיט וואָס ער האָט נאָר געקאָנט. ער האָט שוין דעמאָלט געמאַכט אויף מיר אַן אויסערגעוויינלעכן אייַנדרוק מיט זייַן ענציקלאָפּעדישער בילדונג און באַהאַוונטקייט אין אַ סך געביטן, דערצו האָט ער געווירקט אויף אונדז מיט זייַן אומדערמידלעכער אַרבעטס־פעיִקייט. די פּאָר וואָכן אין בערלין זענען מיר אַלע געזעסן לעבן אים אין דער גרויסער, שיינער, קייזערלעכער ביבליאָטעק אין בערלין און יעדער האָט זיך פאַרנומען מיט זייַן זאַך. אין אָוונט פלעגט אונדז באָראָכאָוו דערציילן זייַנע פאָלקסטימלעכע מעשיות און זינגען ייִדיש־אוקראַיִנישע לידער.

מען האָט באַשלאָסן, אַז אַלע זאָלן תיכף צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד צוגרייטן דעם ערשטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר. איך בין אָפּגעפאָרן דער ערשטער קיין וואַרשע, וווּ איך האָב געדאַרפט וואַרטן אויף ווייַטערדיקע דירעקטיוון. עס איז אַריבער אַ וואָך נאָך אַ וואָך און איך האָב קיין שום ידיעות נישט באַקומען. אין סעפּטעמבער־דעצעמבער 1905 האָט זיך צעפלאַקערט דער קאַמף צווישן די פּועלי־ציון און סיימיסטן אין רוסלאַנד, האָט מען וועגן פּוילן פאַרגעסן.

איך האָב זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו די וואַרשעווער פּועלי־ציון, צו וועלכע איך בין אויך געווען גייַסטיק נענטער, הגם שוין אַ ביסל אָנגעשטעקט מיט פּראַקטישן פּאַלעסטיניזם.

דער צענטער פון די וואַרשעווער פּועלי־ציון איז דעמאָלט געווען די דירה פון יצחקס מוטער, נאַלעווקעס 27, וווּ מיר פלעגן זיך אַלע צונויפקומען. דער קאָמיטעט איז, פאַרשטייט זיך, געווען קאָנספּיראַטיוו, אָבער די נענטערע חברים האָבן געוווּסט אַז אין קאָמיטעט גייען אַרייַן יצחק, בן־ציון און שמעון פייגעלע (פּרושיצקי).

אַרום דעם צענטער האָט זיך גרופּירט אַ קרייַזל פון אַ 15-20 אַרבעטער, תמיד באַוואָפנטע, וואָס זענען געווען כסדר גרייט אויסצופירן פאַרשידענע פאַראָרדענונגען און שליחותן פון קאָמיטעט. די באַציִונג צווישן דער גרופּע און דעם קאָמיטעט איז געווען אַ ריין חברשע האַרציקע. מ'האָט זיך באמת ליב געהאַט ווי ברידער. פון אָט דער גרופּע געדענק איך: שמואל איינבינדער, יצחק זייגערמאַכער (איצט קאָלאָניסט אין מתולה), אַברהם שנייַדער (אַ שוואַרצער בחור מיט פייַערדיקע אויגן, יוסף דוויד און זייַן שוועסטער־קינד

שמואל דוויד (איצט אין אַרגענטינע), חייקע — אַ טיכטיקע פראָפעסיאָנעלע טוערין — אַ מיטגליד פון דער באָיוּווקע מרדכי גאָלדשמיד (אוסאָנאָוויטש — אַרבעט איצט אין „בצלאל" אין ירושלים), אלקנה (אַרבעט איצט אין דער קבוצה „אילת השחר"), יוסף זאַלצמאַן — אַ לעבעדיק־רירעוודיק חסרל אין אַ קאַפאָטע, אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער פון גענשע־גאַס — געהרגעט פון אַראַבער אין כנרת; און אהרון אחרון חביב, דער שטילער, געלאַסענער ליבער „פעטער לאָזער" — פינקעלשטיין. ער איז געווען עלטער פאַר אונדז אַלעמען און ער פלעגט אונדז באַרויִקן ווען מיר פלעגן זײַן אויפגערעגט (ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין בן־שמן און געשטאָרבן אין ירושלים).

יענע צײַט געדענקט זיך מיר ווי דער אָנהייב פון דעם אויפבוי פון פועלי־ציון אין וואַרשע. עס איז געווען באַלד נאָך דעם אָקטאָבער־מאַניפעסט, ווען מען האָט אויף אַ פאָר טעג פרײַ אָפגעאָטעמט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע מאַניפעסטאַציעס. מיר זענען געווען מיט אַ דעמאָנסטראַציע אויף מאַזאָוויעצקע־גאַס. אַ קליינע גרופע פון אַ מאַן 20 און אין מיטן אַ מיידל מיט עפעס אַ רויט טיכל במקום אַ פאָן, האָט געשריגן אויף פויליש: נידער מיט דער זעלבסטהערשונג! מיר האָבן זי אַרומגערינגלט און געגאַנגען צו מאַרשאַלקאָווסקע. דער המון איז געוואָרן אַלץ גרעסער. אויף מאַרשאַלקאָווסקע איז אויף אונדז אַרויפגעריטן אַ גרופע קאָזאַקן און האָט אונדז פאַרשפאַרט אין אַ טויער. מיר האָבן זיך אַרויסגעקריגן, און ווידער איז געוואָרן דער המון גרויס. נאָענט בײַם ווינער וואָקזאַל האָבן מיר דערזען אַ מחנה רײַטער. מיר זענען געגאַנגען פאָרויס, די רײַטער האָבן זיך צו אונדז דערנענטערט און פאַמעלעך, פאָרזיכטיק אַרײַן אין אונדזערע רייען און קיינעם נישט געטשעפעט. מיר זענען געווען דערשטוינט. עס איז באַלד באַוווּסט געוואָרן דער אינהאַלט פון מאַניפעסט (דאָס איז געווען דעם 18טן אָקטאָבער), מיר האָבן דערפילט עפעס אַ פרײַען גײַסט, און איבער די גאַסן פון וואַרשע האָט זיך אָנגעהויבן ציִען אַ גרויסער המון. די פאָליציי האָט זיך באַהאַלטן. אַ גרופע מענטשן האָבן געכאַפט דעם באַרימטן פריסטאַוו פון אַכטן צירקל, קאָנסטאַנטינאָוו, דאַכט זיך אויף פאַנסקע־גאַס, אַרײַנגעשלעפט אים אין אַ טויער, גענומען זידלען, מ'האָט אים אַראָפגעריסן די שליפעס. ער האָט זיך פרובירט אויסטענהן. מ'האָט אים געוואָלט אַוועקלייגן אויפן אָרט. מען האָט זיך אָבער באַנוגנט דערמיט וואָס מען האָט אים אָנגעשפיגן אין פנים און אים אָפגעלאָזן מיט אַראָפגעריסענע שליפעס.

איך געדענק נישט צי איז דאָס געווען פאַר דער דעמאָנסטראַציע אויף מאַרשאַלקאָווסקע, צי גאָר נאָך דעם: מיר זענען געווען אַ גרויסער המון אויפן באַנקפלאַץ און עפעס אַ גימנאַזיסט האָט זיך געשטעלט רעדן לעבן דעם לאַמטערן אַקעגן זשאַביע. באַלד האָבן מיר דערהערט אַ שיסערײַ, און דער גימנאַזיסט איז אַראָפגעפאַלן. דעמאָלט איז אויך געהרגעט געוואָרן אַ גוטער באַקאַנטער סטודענט, יעלין.

אין אָוונט זענען די גאַסן געווען פול. אַ סצענע וואָס איך קאָן נישט פאַרגעסן: עפעס אַ פאָליאַק פון אַ יאָר 40, אַ הויכער, אַ דאַרער, איז געגאַנגען מיט אַ מיידעלע פון אַ יאָר 10 אויף מאַרשאַלקאָווסקי און גערעדט: „געדענק דעם טאָג, דו ביסט נאָך קליין, דו פאַרשטייסט נאָך גאָרנישט, אָבער אַז דו וועסט גרויס ווערן זאָלסטו געדענקען דעם טאָג ווען מיר האָבן פרײַ אָפגעאָטעמט."

בײַ אַלע עקן גאַס זענען געווען אימפראָוויזירטע מיטינגען, אין איין אָרט איז געשטאַנען אַ גרויסער ענדעקישער עולם און געשריגן: „נידער מיט די יִדן". רעדנער האָבן גערעדט, איינער האָט געפײַפט, אַ צווייטער האָט זיך פאַרן עולם פאַרענטפערט...

בײַ נאַכט איז דער המון געווען בײַם ראָטהויז אויפן טעאַטער־פלאַץ און בײַם פאַוויאַק און האָט געפאָדערט צו באַפרײַען די אַרעסטירטע. בײַם פאַוויאַק האָט מען פאַרזיכערט דעם עולם אַז מען וועט אַלעמען באַפרײַען און דער המון איז זיך צעגאַנגען. אויפן טעאַטער־פלאַץ האָט זיך אָנגעהויבן די שחיטה.

באַלד אויף מאָרגן האָט מען געשאָסן אין אַלע גאַסן, הונדערטער פאַרוואונדעטע, געהרגעטע. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען שוידערהאַפטלעכע ידיעות וועגן די פאָגראָמען אויף דער אינטעליגענץ און דער הויפט אויף יִדן. די יִדישע באַפעלקערונג אין וואַרשע האָט אין משך פון עטלעכע וואָכן איבערגעלעבט די סכנה פון אַ פאָגראָם.

מיר האָבן מיטגעהאָלפן אָרגאַניזירן די זעלבשוץ אין די הײַזער. אַלע מענער זענען בײַ נאַכט געווען אויף. צוויי האָבן געהיטן אין טויער. אַחוץ דעם האָבן מיר אָרגאַניזירט אַן אייגענע זעלבשוץ. מיר האָבן געהאַט אַ 50-60 רעוואָלווערן און אָרגאַניזירט אַ זעקס־זיבן גרופעס צו צען מענטשן. אַלע גרופעס זענען געזעסן אין פאַרשידענע טיילן פון יִדישן קוואַרטאַל (אויף מילע, דזשיקע, נאַלעווקעס, גענשע אאַ"וו).

אין נאַכט זענען מיר געזעסן בײַם פעטער לאָזער, עק גענשע און דזשיקע, אין דער וווינונג פון מעכאַניקער טייטלבוים — אַן ס"סאָוויעץ, וועלכער האָט מיט אונדז גאַנץ גוט געלעבט. יעדע צוויי שעה האָבן מיר אַרויסגעשיקט אַ פאַטרול. ביז איין פאַטרול איז נישט צוריק געקומען, מען האָט אים אַרעסטירט.

אין דער זעלבער צײַט האָבן מיר אָנגעהויבן אַ גרויסע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די אַרבעטער. מיר האָבן געגרינדעט אַ ריי גרופעס וווּ מ'האָט געלערנט פאָליטישע עקאָנאָמיע און זיך באַשעפטיקט מיט די פראָבלעמען פון דער יִדישער אַרבעטערשאַפט. דער זאַמלפונקט פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע איז געווען די קאַוויאַרניע בײַ הללן אויף גענשע 29, וווּ עס פלעגן זיך צונויפקומען אַ 150-200 מאַן. דאָרט האָט מען אויך געהאַלטן פאַרלעזונגען אין די צוויי קליינע צימערלעך הינטער דער קאַוויאַרניע.

אויף דער זעלבער גענשע און דזשיקע איז געווען אונדזער בערזע, וווּ מ'פלעגט דערלײדיקן אַלע פאַרטיי־ענינים. שפעטער האָט מען די בערזע איבערגעטראָגן אויף נאָוואָליפקע, צווישן דזשיקע און קאַרמעליצקע, אַקעגן דער צווייטער גימנאַזיע. לעצטנס פלעגט די פאָליציי זייער אָפט פונאַנדעריאָגן די בערזע. ספעציעל האָט זיך אויסגעצייכנט אין דעם אַ גראָבער נידעריקער רעוויראָווע, און עס איז אַפילו געווען אַ געדאַנק אים „אַוועקצולייגן".

צו יענער צײַט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטיקע אַנטוויקלונג פון דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. פאַר אונדז, פועלי־ציון, איז געווען אַ שווערע אַרבעט. אונדז איז אויסגעקומען צו פירן אַ שווערן קאַמף מיטן בונד און ס"ס, וועלכע זענען שוין דעמאָלט געווען פאַרהעלטנישמעסיק גענוג שטאַרק. דער בונד איז געשטאַנען מיט אַ פעסטן פוס אין דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אַלס די עלטסטע יִדישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, און ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן די ס"ס און פועלי־ציון אַרײַנכאַפן זיך אין דער באַוועגונג. דער בונד איז געשטאַנען פאַר פאַרטייִשע פראָפ' פאַראיינען. מיר און די ס"ס זענען געשטאַנען אויפן שטאַנדפונקט פון אומפאַרטייִשע פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דער קאַמף פאַר פאַרטייִשע אָדער אומפאַרטייִשע פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען האָט זיך געפירט אויף דער יִדישער גאַס זייער שאַרף, כלי־זין צום קאַמף האָבן ביידע צדדים געשעפט פון דײַטשן אַרסענאַל. אין דײַטשלאַנד איז דער קאַמף געווען שוין אַן אַלטער, און דאָרט איז שוין געווען וועגן דער פראַגע אַ גענוג גרויסע ליטעראַטור. בעבעל, קאַוטסקי און אַנדערע האָבן אַרויסגערוקט זײַער אויטאָריטעט וואָרט אין דער פראַגע. דעם אמת געזאָגט, איז די פראַגע בײַ אונדז געשטאַנען גאָר אויף אַן אַנדערן שטח. אין דײַטשלאַנד האָט זיך געפירט דער קאַמף צווישן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַראיינען און די קריסטלעכע. די פאַרטיידיקער פון די פאַרטייִשע פאַראיינען זענען געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפונקט אַז די פאָליטיק פון דער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג מוז זײַן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע, די פאַרטיידיקער פון די אומפאַרטייִשע זענען אַרויסגעגאַנגען פון דעם שטאַנדפונקט אַז דער פאַראיין מוז אַרומנעמען אַלע אַרבעטער פון פאַך, אָן אונטערשיד פון איבערצײַגונג. בײַ אונדז ווידער איז נישט געווען קיין סכסוך צי זאָל די פאָליטיק פון פאַראיין זײַן אַן ס"דעקישע. דאָ איז דאָך פאָרגעקומען אַ קאַמף אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע גופא, און עס האָט זיך געהאַנדלט אין דער העגעמאָניע פון דער אָדער יענער סאָציאַליסטישער פאַרטיי. דערפאַר האָט מען נישט געקאָנט אַריבערטראָגן צו אונדז די טענות פון דער דײַטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אָן ענדערונגען. כאַראַקטעריסטיש איז דערבײַ, אַז די פפ"ס, דעמאָלט די שטאַרקסטע פאַרטיי צווישן די פוילישע אַרבעטער און מיט גרויס השפעה אַפילו צווישן די יִדישע אַרבעטער (יִדישע פפ"ס), האָט פאַרטיידיקט אומפאַרטייִשע פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, בשעת די דעמאָלט זייער שוואַכע פס"ד איז דווקא געשטאַנען פאַר פאַרטייִשע פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דורכפירנדיק אַ שטרײַק אין אַ פאַך, האָט די פס"ד באַלד דעם

גאַנצן פּאַך פאַרשריבן פאַר אירע מיטגלידער (זיי האָבן טאַקע געצאָלט פּאַרטיי־שטײַער).

צו יענער צײַט האָבן מיר שוין געהאַט אַ פּאָר דורך אונדז אָרגאַניזירטע פאַראיינען. דער ערשטער און דער עלטסטער פון זיי איז געווען דער פאַראיין פון די קעלנערס, ווײַטער די מעלערס (די פורמאַנעס פון מעל), די טאַנדעט־נייטאָרינס און נאָך אַ פּאָר קלענערע פאַראיינען. עס פאַרשטייט זיך אַז מיר האָבן געמוזט אָרגאַניזירן קודם־כל די פאַכן וואָס זענען נאָך נישט געווען אָרגאַניזירט דורכן בונד. מיר האָבן זיי געמוזט פאַרכאַפּן. דער בונד האָט אָבער געהאַט קעגן אונדז די מעלה וואָס ער האָט שוין געהאַט די דערפאַרונג און, אגב, דעם נאָמען, די אַלטע פירמע, פון איינציקן פאַרשטייער. זײַנע פּראָפעסיאָנאַליסטן זענען געווען געניטער פון אונדזערע. דעם אמת געזאָגט, זענען מיר נישט געווען שטאַרק באַהאַוונט אויך אין דער טעאָריע פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

אונדזער קאָמיטעט האָט מיך אַ מאָל געשיקט פּאַרטיידיקן דעם שטאַנדפּונקט פון אומפּאַרטיייִשע פאַראיינען. איך האָב זיך געוואָלט אָפּזאָגן, ווײַל איך האָב באמת ווייניק געוווּסט אין דעם גאַנצן ענין, האָט מען מיר געגעבן אַ פּאָר בראָשורן (איך געדענק בעבעלס און קאַוטסקיס און נאָך עפּעס אַ צוויי) און מיר געהייסן ביז מאָרגן ווערן אַ דערפאַרענער פּראָפעסיאָנאַליסט.

די ערשטע שריט זענען זייער שווער געווען, אָבער אין דעם טאָג־טעגלעכן לעבן אין די פאַראיינען האָבן אונדז געלערנט די אַרבעטער, וועלכע האָבן אָן טעאָריעס פאַרשטאַנען דעם ענין בעסער פאַר אונדז, אינטעליגענטן. דאָס זענען געווען דער הויפּט יצחק זייגערמאַכער, שמואל אײַנבינדער, חײַקע, יששכר פּאַסקעמאַכער (באָנטשיק — אין אַמעריקע) און אַנדערע.

די אַלע אַרבעטן האָבן געפאָדערט פינאַנציעלע מיטלען. פון וואַנען האָט מען זיי גענומען? אַ פּאָר חברים זענען שוין געווען פּראָפעסיאָנאַלן און געקריגן 3־4 רובל אַ וואָך. קיין מיטגליד־אָפּצאָלונגען געדענק איך נישט, אָבער דערפאַר געדענק איך אַז איך פלעג מיט צוויי אַרבעטער אַרומגיין צו די בורזשויעס און פאַרלאַנגען קאַטעגאָריש די סומע וואָס דער קאָמיטעט האָט פאַר זיי באַשטימט.

די בורזשואַזיע האָט צו יענער צײַט פון איין זײַט געהאַט פאַר אונדז דרך־ארץ, ווײַל זי האָט אין אונדז געזען די קעמפערס פאַר דעמאָקראַטישער פרײַהייט וועלכע האָט אויך איר געשמייכלט, און פון דער אַנדערער זײַט האָט זי אַ ביסל מורא געהאַט פאַר די באַוואָפנטע אַרבעטער. אויף אַזאַ אופן האָט מען געהאַט מיט וואָס צו דעקן די לויפנדיקע הוצאות.

דער קאַמף מיט די סיימיסטן האָט אונדז קנאַפּ באַשעפטיקט. מיר האָבן געהערט וועגן דער שפּאַלטונג וואָס איז פאָרגעקומען דאָרט ווײַט, ערגעץ אין ליטע און אין דרום־רוסלאַנד. צו אונדז אין די אָרגאַניזאַציעס האָבן זיי זיך, כ'ווייס נישט פאַר וואָס, נישט גערוקט.

חוץ איין איינצלפאַל, כ'דערמאָן מיך: אַ מאָל האָט מען מיך גערופן אין קאָמיטעט. אינעם הינטערשטן צימער אויף נאַלעווקעס האָב איך געטראָפן בן־ציונען, יצחקן, שמעונען, יאַניען, יאַשע טראַכטענבערגן (אַ סטודענט אין פּאָליטעכניקום. איך האָב אים שפּעטער געטראָפן אין רוסלאַנד אַלס אינזשעניער אין דער אַרמיי; ער האָט דאָרט פאַרנומען אַ וויכטיקן פּאָסטן אין ראַט, און זיך געקליבן פאָרן קיין פּאַלעסטינע), דוד בלאָכן (אפרים בלומענפעלד, דער פירער פון „פּאַלעסטינע־אַרבעטער־פאָנד" אין משך פון לאַנגע יאָרן אין פּאַלעסטינע, איצט אין אחדות העבודה) און לסוף ירמיהון (חיים איינשטיין — אַ פעיִקער רעדנער און פּובליציסט, איצט אַ גוטער סוחר).

בײַם טיש איז געזעסן נאָך עמיץ, עפּעס אַן אומבאַקאַנטער בחור פון אַ יאָר 23. אַ קליינער, אַ דיקער אין ברילן. מ'האָט מיר אים פאָרגעשטעלט אַלס חבר גור־אריה. מיר איז גלײַך אויפגעפאַלן דער באַקאַנטער סיימיסטישער נאָמען.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן שמועס מיטן חבר גור־אריה פון וואַנען איז ער, וואָס וויל ער בײַ אונדז? ער האָט עפּעס געשטאַמלט און ס'איז געווען שווער אַרויסצוקריגן בײַ אים קלאָרע דבורים.

מיר האָבן אין דער זעלבער צײַט זיך פאָרגעשטעלט די סכנה וועלכע דראָט טאַקע מצד אָט דעם בחור; מיר האָבן זיך גענוג אָנגעהערט וועגן די סיימיסטן, ווי זיי רײַסן זיך אַרײַן אין אָרגאַניזאַציעס אַלס פּועלי־ציון און מאַכן אַ תל פון זיי. האָבן מיר זיך נישט לאַנג מישב געווען, גענומען צוויי פון אונדזערע גוטע בחורים, זיי זאָלן דעם חבר גור־אריה באַגלײַטן צום באַן, קויפן אַ בילעט אין טיף־רוסלאַנד, מטריח זײַן זיך און אַרײַנזעצן אים אין וואַגאָן און נישט אָפּטרעטן ביז דער צוג וועט אַוועקגיין. אַזוי האָבן מיר אַרויסגעפּטרט דעם „סיים" פון פּוילן. מער האָבן מיר שוין קיין מאָל נישט געהאַט צו טון מיט די סיימיסטן, אויסער איין פאַל, וועגן וועלכן איך וועל שפּעטער דערציילן.

די אָרגאַניזאַציע האָט זיך שוין געהאַט פונאַנדערגעוואַקסן. מיר האָבן געציילט עטלעכע הונדערט מיטגלידער. דער קאָמיטעט האָט אָנגעהויבן קלערן וועגן פאַרבינדן זיך מיט דער פּראָווינץ און באַשאַפן אַן אָרגאַניזאַציע אין גאַנץ פּוילן. מיט לאָדזש ווו עס האָבן געאַרבעט די חברים אריה (וויקטאָר) און מוליע, מיט וולאָצלאַוועק, ווו עס האָט געאַרבעט קינאַ דער עלטערער, און מיט קעלץ, ווו עס האָט געאַרבעט קינאַ דער ייִנגערער (פעליקס) — זענען מיר שוין געשטאַנען אין פאַרבינדונג. דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעשיקט אַ פּאָר חברים אין דער פּראָווינץ. צווישן זיי: מיך אין וולאָצלאַוועק, יאַרבלומען אין לובלין און אין אַנדערע שטעט. אין לובלין איז אַריבער צו אונדז איינער פון די וויכטיקסטע אַרבעטער פון „בונד", דער חבר ראָזענטאַל — מאַרקס איניקל, ווי מען האָט אים דעמאָלט גערופן.

נאָך אַזאַ צוגרייטנדיקער אַרבעט איז אויף דעצעמבער צונויפגערופן געוואָרן אין וואַרשע דער ערשטער צוזאַמענפאָר אין פּוילן. אויף וויפל איך קען זיך דערמאָנען, זענען געווען פאָרגעשטעלט: וואַרשע (בן־ציון, שמעון, איך אַלס גאַסט), לאָדזש (מוליע, וויקטאָר), קעלץ (פעליקס), לובלין, וולאָצלאַוועק (קאָוואַלסקי), טשענסטעכאָוו (רוזשע פּרישיצקאַ), קאַליש (אַבֿרהם קאַלישער — אַ. וויעוויאָרקע), פּלאָנסק (דוויד גרין — בן־גריון, אָנגעזעענער פירער פון אחדות העבודה), און נאָך איניקע שטעט. דאָן איז אָפיציעל געשאַפן געוואָרן „דער ייִדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד פּועלי־ציון — אין פּוילן". אין ערשטן פאַרבאַנדסקאָמיטעט זענען אַרײַן בן־ציון, שמעון, אריה (וויקטאָר).

צו יענער צײַט איז צוריקגעקומען פון רוסלאַנד אונדזער חבר אַלטער גאָטליב, וועלכער האָט באַוויזן אין רוסלאַנד מגולגל צו ווערן אין אַ סיימאָוויעץ. אויף אַ פּאָר פאַרזאַמלונגען האָט ער געפּרוּווט אויפקלערן די חברים דעם „נײַעם אמת", אָבער אָן דערפאָלג. דאָך האָט גאָטליב געפונען פאַר זיך אַ גינסטיקן באָדן אין דער ריין אָרגאַניזאַציאָנעלער אָפּאָזיציע, וועלכע איז, צו יענער צײַט, אַנטשטאַנען אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. דער קאָמיטעט איז דעמאָלט געווען געקליבן בלויז דורך אַ קליינער גרופּע חברים. מיטן וווּקס פון דער אָרגאַניזאַציע האָט מען אויפן קאָמיטעט אָנגעהויבן קוקן, ווי אויף „סאַמאָזוואַנצעס" און איניקע האָבן געוואָרפן דעם לאָזונג „דעמאָקראַטיזאַציע". דער קאָמיטעט זאָל געוויילט ווערן פון דער גאַנצער מאַסע. אגב איז מען געווען אומצופרידן מיט אַ סך איינצלנע מעשים פון קאָמיטעט. אַ סך חברים האָבן זיך געווענדט צו מיר, זיכער אַז איך (אַ סטודענט) בין אוודאי אין קאָמיטעט. ווען איך האָב באמת נישט געקענט ענטפערן, האָט מען מיך חושד געווען אַז איך שפּיל זיך אין „קאָנספּיראַציע".

די „אָפּאָזיציע" האָט אָנגעפירט ישראל וועשער (וועלכער איז נישט לאַנג אַריבער צו אונדז פון בונד) און אליהו עסטרין. גאָטליב איז צוגעשטאַנען צו דער אָפּאָזיציע מיט דער כוונה זי אויסצונוצן און שפּאַלטן די אָרגאַניזאַציע.

דאָס אַלץ האָט געצוווּנגען דעם קאָמיטעט צונויפצורופן סוף־כל־סוף אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג דעם 5טן יאַנואַר 1906 אין הללם קאַוויאַרניע. געקומען זענען אַ 150 חברים.

עס איז שווער צו זאָגן מיט וואָס דער גאַנצער ענין וואָלט זיך אויסגעלאָזן, ווען עס מישט זיך נישט אַרײַן פּאָליציי. גלײַך בײַם אָנהייב פון דער פאַרזאַמלונג זענען אַראָפּגעקומען אַ 25 וואָלינצעס מיט אַ פּריסטאַוו פון 5טן צירקל בראש.

די זעלנער בכלל האָבן זיך באַצויגן צו דער גאַנצער באַפעל־

קערונג זייער שלעכט. די גאַנצע שטאָט איז בייַ זיי באַשטאַנען פון „בונטאָווטשיקעס־אַגיטאַטאָרן", ווייַל סייַ די פּאָליאַקן סייַ די ייִדן זענען געווען „פרעמדע". צווישן די זעלנער האָבן זיך בפרט אויסגעצייכנט די וואָלינצעס (זייערע קאַזאַרמעס זענען געווען אויף פשעיאַזד). זיי האָבן געווילדעוועט ווי אמתע רוצחים. אָט די דאָזיקע וואָלינצעס זענען עס אַראָפּגעקומען צו אונדז.

מען האָט אַלעמען אָנגעהויבן צו באַזוכן. אַ מיידל לעבן מיר האָט געקריגן היסטעריקע. האָב איך געבעטן אַ זעלנער, ער זאָל איר ברענגען וואַסער. ער האָט נישט געענטפערט. ווען איך האָב זיך געווענדט מיט דער זעלבער בקשה צום פּריסטאַוו, האָט ער דעם זעלנער געהייסן געבן מיר מיטן באַגנעט. דערזעענדיק אַז דאָס וויינט דאָס מיידל, האָט ער געהייסן געבן איר מיטן באַגנעט. דער זעלנער האָט צופעליק נישט געפאָלגט, אָבער אויפן מיידל האָט עס געווירקט בעסער ווי וואַסער. זי איז תיכף אַנטשוויגן געוואָרן.

איינעם אונדזערן אַ חבר פון דווינסק (דעם שפּעטערדיקן רעדאַקטאָר פון „לאָדזשער פאָלקסבלאַט" — ל. קאָהאַן) האָט דער פּריסטאַוו מכבד געווען מיט צוויי פּעטש. ס'איז דערגאַנגען צו מיר. „דו, געלער אַגיטאַטאָר, דיך קען איך שוין פון לאַנג". איך האָב נאַיִוו געענטפערט דאָס איך זע אים צום ערשטן מאָל, האָט ער מיר שוין דערלאַנגט צוויי פּעטש: „דו וועסט מיר נאָך דברן".

מ'האָט אונדז אַלעמען באַזוכט און אָפּגעשיקט אין צירקל. מ'האָט ברייט געעפנט דאָס טויער און דער פּריסטאַוו האָט אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

„אַ טיעפּער, בראַטצי, נאַדאַיטיע אים ניעמנאָגאָ".

(און איצט ברידערלעך דערלאַנגט זיי אַ ביסל).

די זעלנער האָבן זיך אויסגעשטעלט אין טויער פון ביידע זייַטן און, האַלטנדיק די ביקסן פאַר די שטיקעס, אָנגעהויבן קלאַפּן דעם עולם, וואָס האָט געמוזט דורכגיין. מרדכי אוסענאָוויטשן האָט מען צעלעכערט דעם קאָפּ.

אַרייַנקומענדיק אינעם קליינעם קייַלעכטיקן הויף האָט זיך אונדזער חברה, וואָס איז שוין משמעות געווען באַהאַוונט אין דער טאָפּאָגראַפיע פון צירקל, אַ לאָז געטון צום צימער פון דזשורני. איך און אַנדערע, וואָס זענען דאָ צום ערשטן מאָל געווען, האָבן נישט געוווּסט ווו זיך אַהינצוטאָן. די זעלנער פון הינטן שטופּן. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין מיטן הויף, איז צו מיר מיט אַ מאָל צוגעלאָפן אַ זעלנער און צוויי מאָל נאָכאַנאַנד מיר אַ האַק געגעבן איבער די פּלייצעס מיטן באַגנעט. איך האָב געשוויגן און ער האָט זיך באַרויִקט.

די וואָס זענען אַרייַן אינעם דזשורנעם צימער האָט מען רעגיסטרירט. מיר זענען געבליבן אויפן הויף אַרומגערינגלט מיט זעלנער.

אין אַ 10 מינוט אַרום איז אַרויס אין הויף דער פּריסטאַוו מיט אַ טענה: ווו איז דאָ דער געלער אַגיטאַטאָר? איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה: אַרויסגיין אָדער נישט. אויב גיין, וועט ער טענהן, אַז איך בין זיך דערמיט אַליין מודה דאָס איך בין דער געלער אַגיטאַטאָר. זאָל איך נישט אַרויס גיין, וועט ער מיך שלאָגן דערפאַר וואָס איך האָב זיך נישט אָפּגערופן. איך בין אַרויס און געזאָגט אַז אויב ער זוכט מיך, בין איך דאָ.

ער האָט מיך אַרייַנגעפירט אינעם דזשורנעם צימער און געהייסן מיך פאַרשרייַבן „אויסער דער ריי". איך האָב זיך פאַרשריבן נישט אַלס סטודענט, נאָר „בייַ די עלטערן" — איז ווידער שלעכט. „אַ ליידיק־גייער", האָט געליאַרעמט דער פּריסטאַוו, "טוט גאָרנישט און פאַרנעמט זיך מיט אַגיטאַציע". ער האָט מיר געהייסן בלייַבן אין צימער, בשעת אַלעמען האָט מען נאָכן פאַרשרייַבן געפירט ערגעץ ווייַטער, „אַז מען וועט ענדיקן, — האָט ער געזאָגט — וועל איך זיך מיט דיר אָפּרעכענען".

צו יענער צייַט האָט מען דערציילט אַז אין די צירקלען ווערן פאַרפאַלן מענטשן. ס'איז געווען די ערגסטע צייַט פון דער רעאַקציע, ווען די כוליגאַנעם האָבן זיך נוקם געווען פאַר די פּאָר טעג „פרייַהייט". איך האָב פאַרשטאַנען אַז מיט מיר קאָן זייַן נישט גוט. איך בין געזעסן און געוואַרט. דער רעווירנאָווע, וואָס האָט פאַרשריבן, פלעגט אין מיטן דערינען פון העלער הויט וואַרפן ציניִשע ווערטער. די מיידלעך זענען רויט און בלאַס געוואָרן און דאָס האָט אים פאַרשאַפט אַ סך הנאה. מ'האָט שוין דערווייַל כמעט אַלעמען פאַרשריבן, אין צימער זענען נאָך פאַרבליבן אַ מאַן 5-6. בין איך צוגעגאַנגען צו אַן אַנדערן רעווירנאָווע, נאָכן אויסזען אַ פּאָליאַק, און אויף פּויליש געבעטן אים, ער זאָל גיין צום פּריסטאַוו אַלייַן, נישט צום געהילף, פרעגן, לויט וועמענס פאַראָרדענונג האָט מען מיך דאָ איבערגעלאָזט. צי איז דעם פּאָליאַק געפעלן געוואָרן וואָס איך רעד מיט אים פּויליש (איך האָב אויף דעם אויסגערעכנט), צי צוליב אַן אַנדער סיבה, אָבער ער איז אַוועק און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז געקומען דער געהילף־פּריסטאַוו און האָט מיך אַוועקגעפירט צו אַלע חברים אין צווייטן צימער.

עס האָט געמוזט זייַן צווישן אונדז אַ פּראָוואָקאַטאָר, וואָרעם פון די 150 מאַן אַרעסטירטע האָט די פּאָליציי אויסגעקליבן בלויז אַ 40 מאַן, די בעסטע און אַקטיווסטע חברים, און זיי פאַרהאַלטן. די אַנדערע האָט מען פון די צירקלען אויף מאָרגן אַרויסגעלאָזט. אונדזערע 40 האָט מען אָפּגעפירט אויף מאָרגן אין ראָטהויז. צווישן אונדז געדענק איך דעם באַרימטן איצט אין אַמעריקע מאָדזשעוויעצקי — אַ גרויסער געזונטער בחור, אַ ביסל אַן אומנאָרמאַלער, אָבער אַן איבערגעגעבענער חבר.

אין ראָטהויז איז געווען אויסערגעוויינלעך שמוציק, זענען מיר אָפּגעזעסן אַ נאַכט אויף די פּעקלעך וועלכע מ'האָט שוין כמעט יעדן צוגעשיקט פון דער היים. די צווייטע נאַכט האָבן מיר זיך אַ ביסל אייַנגעאָרדנט און געלייגט שלאָפן. מיר האָבן אָבער נאָך נישט באַוויזן צו פאַרמאַכן די אויגן, האָט מען אונדז זיך געהייסן אָנטאָן, אַראָפּגעפירט ערגעץ אין אַ קעלער אויף היי און מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן. פון די פענצטער אויבן האָט געריננען און דאָס היי איז געווען נאַס.

אַ זייגער דרייַ בייַ נאַכט האָט מען אונדז ווידער אויפגעוועקט און זיך ווידער געהייסן אָנטאָן. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז מען וועט אונדז פירן אין ציטאַדעל. אין שטאָט האָט מען שטאַרק גערעדט דערפון (נאָך פאַר אונדזער אַרעסט), אַז בייַ נאַכט, ווען מען פירט די אַרעסטירטע אין ציטאַדעל, שלאָגט מען זיי. מען האָט שוין אַ פּאָר מענטשן געהרגט. מיר האָבן גענומען רעדן מיטן נאַטשאַלניק פון ראָטהויז — אַ דיקן אָפיציר, קאַלענדאָ, ער איז דעמאָלט געווען באַרימט אין וואַרשע — אַז מיר האָבן מורא, מ'וועט אונדז הרגענען אויפן וועג. ער האָט אונדז געגעבן זייַן ערן־אָפיצירן־וואָרט, אַז מען וועט אונדז נישט אָנרירן.

מ'האָט אונדז אויסגעשטעלט צו פיר אין דער ריי,אַן ערך הונדערט רייען, און געפירט האָבן אונדז ווידער וואָלינצעס. לאָזנדיק זיך אין וועג אַרייַן האָט דער אָפיציר געהאַלטן אַ דרשה צו די זעלנער און אויפגעפאָדערט אַז בייַם ערשטן סימן פון ווידערשטאַנד, פון נישט פאָלגן, אָדער פון נישט גיין אין די רייען זאָלן זיי שיסן. מ'האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרייַן.

כל־זמן מיר זענען געגאַנגען איבער דער שטאָט איז געווען נישקשה. אָבער ווי נאָר מיר זענען אַרויס הינטער דער שטאָט, אַזוי האָבן זיך אָנגעהויבן צו הערן געשרייען פון אַלע רייען. איין מאָל האָט זיך דער אָפיציר אויסגעדרייט און געפרעגט, וואָס איז דאָרט? האָט אים דער זעלנער געענטפערט „שיכור, וואַשע וויסאָקאָראָדיע". די צאָל פון אַזעלכע „שיכורים" איז כסדר געוואַקסן. די זעלנער האָבן זיך אָנגעהויבן צו טשעפּען, פאַר וואָס מ'האָט אַ פּעקל, פאַר וואָס מ'גייט אין ברילן, וכדומה. אַ פּיראָוויגיקער אַגיטאַטאָר! האָבן זיי אויף מיר און אויף אַנדערע באַברילטע געשריגן און געגעבן קלעפּ מיט דער האַנט איבערן קאָפּ, איבערן פּנים, מיט דער ביקס איבער דער פּלייצע, מיטן פוס און קני פון הינטן און נאָך אויף פאַרשידענע אופנים.

אויסגעמאַטערטע, צעהרגעטע, קוים אויף די פיס, זענען מיר געקומען אין ציטאַדעל. די גליקלעכערע פון אונדז זענען געהאָלפן געוואָרן און אַרייַן אין פּאָרט נ' 3. דאַכט זיך, אונדזער גאַנצע חברה האָט זיך געמוזט שלעפּן נאָך אַ האַלבע שעה ביזן פּאָרט נ' 4 און ווידער געקראָגן קלעפּ.

ווען מיר זענען 7 אין דער פרי אַרייַן אין פּאָרט און דערצו נאָך געטראָפן אַ פּאָר חברים, פריִער אַרעסטירטע, האָבן מיר זיך

געפילט גליקלעך. איך האָב דאָרטן געטראָפן דעם פעטער לאָזער, דעם מעכאַניק פינקעלשטיין, בנימין פינקעל (איצט אין אַמעריקע) און ירמיהון.

נאָך אַ וואָך אין פעסטונג האָט מען אונדז אַריבערגעפירט קיין מאָדלין — צוויי שעה מיט דער באַן הינטער וואַרשע. אויפן וואָקזאַל האָבן מיר געזען אַלע אונדזערע קרובים און פרײַנד. מיר זענען אָבער געזעסן אין איין פחד, ווײַל מיר האָבן נאָך גוט געדענקט דעם וועג פון ראָטהויז אין ציטאַדעל אַרײַן, און ווען מ'האָט אונדז אין מאָדלין אויפן באַן ווידער אויסגעשטעלט און אין דער פינצטערניש געפירט דורך אַ וואַלד, זענען מיר געווען זיכער אַז דאָ וועלן מיר שוין בלײַבן. געפירט האָבן אונדז אָבער נישט קיין וואָלינצעס, און נישט קיין גוואַרדייציעס בכלל, נאָר זעלנער פון דער פעסטונג גופא, זענען מיר אָפגעקומען בלויז מיט שרעק.

מיר זענען געקומען אין די הויכע, ליכטיקע, וואַרעמע קאַמערן מאָדלין אויפן ערשטן שטאָק און ווידער געפינען חברים וואָס מ'האָט פריִער אַהין אַריבערגעפירט. מ'האָט אָנגעהויבן אַרויסמען די פעקלעך, וואָס די קרובים האָבן אָנגעגעבן אויפן וואָקזאַל אין וואַרשע, איז ווידער געוואָרן פריילעך אויפן האַרצן.

אין מאָדלין זענען מיר געבליבן אַלע העכער 3 חדשים. דער גאַנצער קאָמיטעט איז געווען אַרעסטירט: יצחק, בן־ציון, דוויד בלאָך, איך, בנימין עפראָן (איצט אַ פאָלקיסט), פעטער לאָזער און אַנדערע, אויך גאָטליב איז געווען מיט אונדז. געבליבן פרײַ זענען נאָר שמעון פייגעלע פון קאָמיטעט און די ביידע לידערס פון דער אָפאָזיציע, ישראל וועשער און אליהו עסטרין. דאָ אין מאָדלין האָבן מיר געהאַט אַ סך צײַט זיך אויסצוטענהן. מיר האָבן איבערגעלאָזט די זאַך ביז דער צײַט ווען מיר וועלן פרײַ ווערן.

דאָס לעבן אין דער אָרגאַניזאַציע האָט זיך נישט אָפגעהאַקט. אדרבא, די אַרבעט איז נאָך אינטענסיווער אָנגעגאַנגען. שמעון פון איין זײַט און די אָפאָזיציע פון דער אַנדער זײַט האָבן זי פאַרגעזעצט, נאָר ביידע צדדים האָבן באַשלאָסן אָפוואַרטן מיטן סכסוך ביז וואַנען מיר אַלע וועלן פרײַ ווערן.

דער גאַנצער עולם אונדזערער איז אָפגעזעסן אין פעסטונג אַ דרײַ חדשים. פסח צום סדר האָט מען זיי באַפרײַט, איבערגעלאָזט 6, צווישן זיי מיך, אויף ווײַטער. ס'האָבן נישט געהאָלפן אונדזערע פראָטעסטן. מיר זענען אָפגעזעסן נאָך אַ פאָר וואָכן.

נאָך דער באַפרײַונג האָט מען מיר מיטגעטיילט, נאַטירלעך גאַנץ קאָנספּיראַטיוו, אַז כ'בין קאָאָפטירט אין קאָמיטעט. אויף דעם סדר־היום פון דער ערשטער זיצונג איז געשטאַנען די פראַגע וועגן דער אָפאָזיציע, וועלכע איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן העזהדיקער און געפערלעכער. איך האָב פאַרגעסן פריִער אָנצוווײַזן אַז די אָפאָזיציע האָט מיט דער צײַט אַרויסגערוקט אַ פרינציפיעלן מאָטיוו. אויך ישראל וועשער און אליהו עסטרין האָבן זיך לכתחילה געהאַלטן פאַר פראַקטישע פאַלעסטינצעס, און אַזוי ווי צו יענער צײַט איז שוין אַרויס אין פאָלטאַווע „די ייִדישע אַרבעטער כראָניק" מיט באָראָכאָווס „אונדזער פלאַטפאָרם"— וועלכע האָט פאָרמולירט דעם פאַלעסטיניזם אַלס „פראָגנאָסטישן", האָט אונדזער אָפאָזיציע זיך אויך פאַרוואַנדלט אין אַ „פראָגנאָסטיש־פאַלעסטינישער". דער פראָגנאָסטישער פאַלעסטיניזם איז דעמאָלט לויט באָראָכאָוון, באַשטאַנען אין דעם אַנאַליז פון די ווירטשאַפטלעכע אייגנשאַפטן פון פאַלעסטינע, פון איר „אינטערנאַציאָנאַלן האָטעל־כאַראַקטער", אין דעם וואָס זי איז אַ האַלב אַגראַר, האַלב קאַפּיטאַליסטיש לאַנד — דער לעצטער מאָמענט איז נאָך עד היום בײַ אונדז נישט איבערגעוווּנדן.

צו דער צײַט איז שוין געהאַט פאָרגעקומען (אין פעברואַר אין פאָלטאַווע דער ערשטער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער ייִדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרטיי „פועלי־ציון" אין רוסלאַנד (די קלאַמערן אין וועלכע עס זענען שפעטער אַרײַנגעשטעלט געוואָרן די ווערטער „פועלי־ציון" זענען צוגעגעבן געוואָרן לויטן באַשלוס פון צווייטן צוזאַמענפאָר אין קראָקע, זומער 1907).

אויף דעם צוזאַמענפאָר זענען פון אונדזער פוילישן פאַרבאַנד געפאָרן שמעון און מוליע. זיי האָבן דאָרטן נישט איבערגענומען קיינע התחייבות און האָבן נאָך נישט דערקלערט וועגן דעם אַרײַנטריט פון פאַרבאַנד אין דער פאַרטיי, צוליבן פרינציפיעלן פאַלעסטיניזם. די אָפאָזיציע האָט אויך אָט דעם מאָמענט געפרוּווט אויסנוצן, הגם איר אָפיציעלער באָדן איז אַלץ געבליבן דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פרינציפ.

אין קאָמיטעט האָט געהערשט אַ מיינונג אַז מען דאַרף פירן דעם קאַמף מיט דער אָפאָזיציע ווײַטער. די דאָזיקע מיינונג האָט, אויב איך האָב נישט קיין טעות, פאַרטיידיקט שמעון, וועלכער איז געווען פאַרביטערט פון קאַמף. אים האָט אונטערגעהאַלטן יצחק. איך האָב פאָרגעשלאָגן מ'זאָל דורכפירן די „דעמאָקראַטיזירונג" פון דער אָרגאַניזאַציע, און אויף אַזאַ אופן אָפנעמען דעם אָפיציעלן מאָטיוו פאַר אָפאָזיציע. בן־ציון איז נוטה געווען צו מײַן מיינונג. עס איז נאָר געווען די פראַגע ווי אַזוי דאָס דורכצופירן אַז אַלע זאָלן זײַן צופרידן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז דער קאָמיטעט וועט נאָמינירן אַ קאָמיסיע פון 7 חברים: 3 פון דער אָפאָזיציע, 3 פון דער קאָמיטעט־ריכטונג און איינעם אַ נײַטראַלן חבר.

אין דער קאָמיסיע זענען אַרײַן: ישראל וועשער, אליהו עסטרין און יששכר ווײַנטרויב פון דער אָפאָזיציע; פעטער לאָזער, אברהם שנײַדער און איך — פון קאָמיטעטס צד, און דוויד בלאָך אַלס דער נײַטראַלער „בורר". אונדזער אויפגאַבע איז געווען אויסצואַרבעטן אַן אָרגאַניזאַציאָנס־סטאַטוט פאַר דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. 2 טעג, שבת און זונטיק, זענען מיר געזעסן אָן הפסקות אין דער שול „יהודית" אויף נאָוואָליפיע 25 ווו די פאַרוואַלטערין איז געווען מײַן שוועסטער. דעם סטאַטוט וואָס מיר האָבן געבראַכט האָט דער קאָמיטעט אין גאַנצן באַשטעטיקט.

אויף וויפל איך דערמאָן זיך, איז דער אינהאַלט פון דעם אָרגאַניזאַציע־סטאַטוט באַשטאַנען אין דאָס ווײַטערדיקע: די אָרגאַניזאַציע באַזירט זיך אויף גרופעס פון 10־15 חברים, וועלכע ווערן אָרגאַניזירט לויט די פאַכן און אין די פאַכן גופא. יעדער גרופע האָט אירע פאָרלעזונגען, ספעציעלע לעקציעס, קלײַבט מיטגלידס־אָפצאָלונגען און האָט אירס אַ פאָרשטייער אויף פאַרבינדונגען מיט די העכערע אינסטאַנצן. די פאָרשטייער פון אַלע גרופעס בילדן די אַזוי גערופענע צענטראַלע סכאָדקע, וועלכע איז דער געזעץ־געבערישער אָרגאַן פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע. די צענטראַלע סכאָדקע קלײַבט זיך צונויף איין מאָל אַ חודש. זי קלײַבט עס קאָנספיראַטיוו אויס דעם קאָמיטעט, וועלכער דאַרף באַשטיין פון דרײַ חברים. בכדי די רעזולטאַטן פון די וואַלן זאָלן זײַן קאָנספיראַטיוו, קלײַבט די צענטראַלע סכאָדקע אויס אָפן נאָר איין מענטש — דאָס איז דער פאַרמיטלער צווישן דער סכאָדקע מיט דעם קאָמיטעט. באַקומט זיך אַז יעדער חבר קען דירעקט נאָר זײַן אייגענעם פאָרשטייער, מער קיינעם נישט. אַלע פאָרשטייער קענען נאָר דעם איינעם פאַרמיטלער, דער פאַרמיטלער ציילט די צעטלען, איז מודיע דעם רעזולטאַט פון די וואַלן נאָר די וואָס זענען אויסגעקליבן געוואָרן אין קאָמיטעט און נאָר ער קען דעם קאָמיטעט.

דער קאָמיטעט האָט באַשטעטיקט דעם סטאַטוט און זיך דערקלערט פאַר אויפגעלייזט. די אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָמיסיע פון די 7 חברים האָט געדאַרפט דורכפירן די רעאָרגאַניזאַציע. אין משך פון איין וואָך האָבן אַלע פאַכן געהאַט זייערע גרופעס (די גרופעס האָבן עקסיסטירט טיילווײַז פון פריִער) און די גרופעס האָבן אויסגעקליבן פאָרשטייער. דעם נאָענטסטן שבת, דעם 5טן מײַ 1906, איז אויף דזשעלנע־גאַס נומער 3 פאָרגעקומען די ערשטע זיצונג פון דער צענטראַלער סכאָדקע, וועלכע האָט דערלײדיקט אַ סך ענינים, פון וועלכע איך געדענק אָבער נאָר די וואַלן פון קאָמיטעט. די צענטראַלע סכאָדקע איז באַשטאַנען פון 27 חברים. פון דעם איז געדרונגען אַז אין מײַ 1906 האָט די וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע געציילט 300־400 מיטגלידער. אַלס פאַרמיטלער איז אויסגעוויילט געוואָרן חיים אײַנשטיין (ירמיהו). די וואַלן פון קאָמיטעט, ווי איך געדענק, זענען געווען כמעט אײַנשטימיקע, יצחק און שמעון האָבן זיך אָפגעזאָגט צו אַרבעטן ווײַטער אין קאָמיטעט. דעריבער איז אײַנשטימיק געוויילט געוואָרן בן־ציון, דוויד בלאָך און איך.

די צענטראַלע סכאָדקע האָט אויסגעקליבן אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָמיסיע, וועלכע איז באַשטאַנען פון פאָרשטייער פון פאַרשיידענע קאָמיסיעס: פינאַנץ־קאָמיסיע, טעכנישע, ליטעראַטור־קאָמיסיע, פראָפעסיאָנעלע, שטרײַק־ און ביבליאָטעק־קאָמיסיע. בײַם

קאָמיטעט גופא זענען געווען צוויי קאָמיסיעס: אַ קאָנספּיראַטיווע און אַ פּרינציפּיעלע. די לעצטע האָט אויך געהייסן בײַ אונדז די טעאָרעטישע — זי איז באַשטאַנען פון די מער אַנטוויקלטע חברים און האָט באַהאַנדלט אַלע פּרינציפּיעלע און טעאָרעטישע פּראַגעס, וואָס פלעגן אַרויפשווימען פאַר דער באַוועגונג. אין איר זענען אַרײַן, ווי איך געדענק, דער קאָמיטעט, דער פּאַרמיטלער, אַחוץ זיי נאָך אַביש, איש עברי (ש. י. לאַנדינסקי), עמוס (שלמה קאָלא), מנחם, יחזקאל, סאַבינאַ, צוויי שוועסטער אַסטערמאַן, בנימין עפּראַן, אַברהם פּאַריזער, אליהו עסטרין, ישראל וועשער און נאָך ווער. מיר פלעגן זיך צונויפקומען יעדע וואָך און תחילת גאַנץ הייס דיסקוטירט די פּראַגע בנוגע פּרינציפּיעלן, פּראַקטישן אָדער פּראָגנאַסטישן פּאַלעסטיניזם. בײַ דער געלעגנהייט וויל איך פעסטשטעלן אַז „אונדזער פּלאַטפאָרם און די „ייִדישע אַרבעטער־כראָניק" האָבן אין פּוילן נישט געמאַכט קיין גרויסן רושם, אַחוץ אויף אַן ענגן קרײַז אינטעליגענטן. די מאַסע האָט אַפילו נישט געקענט לייענען דעם רוסישן טעקסט.

צווישן די חברים פון דער „פּרינציפּיעלער" קאָמיסיע זענען געווען גאַנץ אינטערעסאַנטע מענטשן. אַביש, אין גאַנצן 19-18 יאָר, איז געווען זייער אַ פעיִק ייִנגל, אַ גוטער אַגיטאַטאָר און האָט זיך גאַנץ שנעל אָריענטירט. ער איז שוין פון 13-12 יאָר אָן געשטאַנען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און באַוויזן צוויי יאָר צו זײַן אַ בונדיסט. מען האָט אים אין יענער צײַט זייער גוט געקענט אויף דער בונדישער בערזע און מען האָט אים דאָרטן אַפילו אַ מאָל מבטיח געווען „אונטערהאַקן די פיסלעך". לעצטנס איז ער אַראָפּ פון זינען.

עמוס (שלמה קאָלא), אויך אַ יונגער בחור, אַ גימנאַזיסט פון אַ יאָר 18 פון אַן אַסימילירט פּויליש הויז — אַ וועגעטאַריאַנער ווי זײַן גאַנצע משפּחה, כּל ימיו האָט ער פאַרבראַכט אין לייענען און אָן אַ גוזמא קאָן מען זאָגן אַז דער בחור האָט געהאַט איבערגעלייענט מער ווי צען עלטערע פאַר אים חברים צוזאַמען. איך געדענק אים נאָך ווען ער איז אַלט געווען אַ יאָר 12 אין אָטוואָצק, איך בין עלטער געווען פאַר אים מיט אַ יאָר 4, און שוין דעמאָלט האָב איך פאַר אים דרך־ארץ געהאַט צוליב זײַן אָנגעלייענטקייט. ער האָט אָבער געהאַט אַ חסרון. נישט אַלץ האָט ער געקאָנט פאַרדייען און באַאַרבעטן. געוווּסט האָט ער אַ סך, ער האָט אָבער נישט אַלע מאָל געקאָנט מאַכן אַ גוטע אָנווענדונג פון זײַן וויסן. נאָך פאַר אונדזער אַרעסט האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ שילערקרײַז, מיט וועלכן עס האָבן אָנגעפירט עמוס, מ. יאַרבלום, אַ גימנאַזיסט שוואַרצמאַן און איך. מיר האָבן אַרויסגעלאָזט איין העקטאָגראַפירטע פּראָקלאַמאַציע און איין געדרוקטע פּראָקלאַמאַציע(ביידע אין פּויליש) מיט אונדזער גאַנצן פּראָגראַם — אין נאָמען פון שילערקרײַז (קאָלאָ אוטשניאָווסקיע) פּאַרוואָס, אגב, מ'האָט עמוסן גערופן שלמה קאָלאָ. ווי מען האָט מיר איבערגעגעבן, האָט ער אין די שפּעטערע יאָרן פיל מיטגעאַרבעט אין דער פּאַרטיי, אָבער לעצטנס, אין די יאָרן 1918-1917, איז ער איבערגעגאַנגען צו די פּפּ"ס (לינקע). איצט פאַרנעמט ער זיך מיט ריין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט, רעדט נאָר פּויליש און האָט זיך אַפילו געטויפט (פריִער רובינראָט, איצט — רודניאַנסקי).

מנחם, יחזקאל און איש־עברי (ש. לאַנדינסקי), לערערס, געוועזענע ישיבה־בחורים. די ערשטע צוויי — עלטערע; דער ערשטער אַ יאָר 25, דער צווייטער אַ יאָר 28, מיט ריין ייִדישע פעיִקע חקרן־קעפּ, גאַנצע טעג האָט מען געהאַלטן אין איין חקרנען זיך. מנחם האָט אַפילו אַרײַנגעגעבן אַן אַרטיקל אין נומער 2 „ייִדיש אַרבעטער־וואָרט" (זע ווייטער), אויף וועלכן איך בין געזעסן נישט איין שעה. בײַ אַלע דרײַ האָט געפעלט די גראָדע לאָגיק; זיי האָבן קיין מאָל נישט געקענט טראַכטן גלײַך, נאָר אַלע מאָל מיט דער רעכטער האַנט געקראָכן צום לינקן אויער. זיי האָבן ליב געהאַט צו פאַרקריכן אין די „טיפסטע טיפקייטן" און האָבן זיי נאָר געכאַפּט וועמען וואָס האָט זיך מיט זיי אין חקירות אַרײַנגעלאָזן, פלעגט שוין יענער אַרויסגיין פון זייערע הענט ווי פון אַ באָד. עס איז אָבער געווען אַן אינדיווידועלער אונטערשיד צווישן יחזקאלען און מנחמען. מנחם איז געווען מער עגאָיִסטיש געשטימט און יחזקאל — אַן אמת ריינע שיינע נשמה, אַ גוטער געלאַסענער מענטש, וועמען אַלע האָבן ליב געהאַט, נישט קוקנדיק אויף זײַנע חקירות. איך מוז זיך מודה זײַן, איך האָב שטאַרק ליב געהאַט יחזקאלען, איך האָב אַלע מאָל מורא געהאַט פאַר אים, ווײַל פריִער ווי נאָך 3-2 שעה פלעג איך זיך פון זײַנע הענט נישט אַרויסקריגן ווען ער פלעגט מיך כאַפּן אין דער קאַוויאַרניע אָדער אויף דער בערזע. אייביק האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט שאלות און ספקות, וועלכע ער האָט פון מיר געפאָדערט איך זאָל זיי אים אויפקלערן. מנחם איז אַוועקגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע. וואָס מיט אים איז געוואָרן ווייס איך נישט. אין אונדזערע רייען איז ער אַלן פאַלס נישטאָ. יחזקאל איז פאַרשיקט געוואָרן אין וואָלאָגדע אָדער אַרכאַנגעלסק. אַ יאָר צוויי פלעגן מיר זיך נאָך איבערשרײַבן. איך מוז אָבער זאָגן אַז פון זײַנע אַלע מאָל קאָלאָסאַלע לאַנגע און כאָאָטישע בריוו האָב איך נישט תמיד געקענט אַרויסקריכן. ווי מ'האָט מיר איבערגעגעבן, איז ער נאָך לאַנגע וואָגלענישן געקומען אין וואַרשע און אין אַ יאָר צוויי אַרום דאָ געשטאָרבן. איש עברי (ש. לאַנדינסקי) איז אויך געווען פאַרשיקט, אַ סך זיך געוואָגלט, אָבער נישט נאָר פיזיש. אין די מלחמה־יאָרן איז ער אַריבער צום בונד, געפירט אַן אַטאַקע קעגן פּועלי־ציון. לעצטנס אַרויס פון בונד און געוואָרן אַ פּריוואַטער פאַרלעגער.

סאַבינאַ (איצט ראַפּאַלקעס) און ביידע שוועסטער אַסטערמאַן זענען געקומען צו אונדז פון דעם ציוניסטישן פרויען־קרײַז „דבורה" און האָבן אונדז אַ סך מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט. זיי האָבן אָבער כמעט נישט געקענט קיין ייִדיש און געווען, ספּעציעל די ערשטע, פולשטענדיק אַסימילירט: סאַבינאַ אַ ריינע פּאָלקע, ביידע שוועסטער אַסטערמאַן — רוסישע פּאָלקעס. אויסער דער ייִנגערער אַסטערמאַן, וועלכע האָט הײַנט אַ גרויס געשעפט פון היטן, זענען די ערשטע צוויי עד־היום געבליבן אין דער באַוועגונג. אַסטערמאַן איז לאַנגע יאָרן געווען די סעקרעטאַרין פון אונדזערע גרופּעס אין דער שווייץ. מיט אַ יאָר צוריק איז זי אָפּגעפאָרן קיין רוסלאַנד, וווּ זי איז אַ לערערין און אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער יק"פּ (פּ"צ).

בנימין עפּראַן, איינער פון אונדזערע אַקטיווסטע חברים, איז געווען דער בעסטער פּאַרטיי־„וואָיאַזשאָר" — ער איז אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ פּוילן און האָט אין אַ סך שטעטלעך אָרגאַניזירט גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס. ער איז געווען אַ גוטער מאַסן־רעדנער און נישט ווייניק זיך אָנגעזעסן אין די פּוילישע טורמעס. ער האָט אָבער געטראַכט צו שווער און זיך שווער אָריענטירט. בײַ די וואַלן צום שטאָטראַט אין וואַרשע, בשעת דער דײַטשער אָקופּאַציע, האָבן אים די פאָלקיסטן אַרויסגעשטעלט אַלס קאַנדידאַט און ער איז אַוועק פון דער פּאַרטיי. אַברהם פּאַריזער, אַ פּאַריזער סטודענט, אַ מאַסן־אַגיטאַטאָר, אַ גאַנץ פלינקער מוח איז צוזאַמען מיט עפּראַנען אַרומגעפאָרן איבער פּוילן. וווּ ער איז איצט, ווייס איך נישט. מען האָט וועגן אים שטאַרק געמורמלט אַז ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט דער פּאָליציי. עס איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן דעם פאַקט, ער האָט אָבער נישט אין ערגעץ פּרובירט זיך ריינצוּוואַשן פון דעם חשד.

וועגן בן־ציונען האָב איך שוין געשריבן. דוויד בלאָך איז ביז הײַנט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, הגם ער האָט שוין לאַנג פאַרלוירן זײַנע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס. זייער אַן אַרבעטס־פעיִקער מענטש, אַן ענערגישער, אַן איבערגעגעבענער, אָן אַ ברעקל איניציאַטיוו — אַזוי איז ער געבליבן ביז הײַנטיקן טאָג.

חיים אײַנשטיין — איינער פון אונדזערע בעסטע חברים אין יענער צײַט, אַ מענטש מיט ליטעראַרישע פעיִקייטן, מיט אַ גרויסן רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט, אַ פלאַמענדיקער — איז איצט געוואָרן אַ רײַכער סוחר.

אַחוץ די חברים פון דער „פּרינציפּיעלער" קאָמיסיע זענען געווען נאָך אַקטיוו יששכר ווײַנטרויב, יהושע פּאַסקעמאַכער, צוויי שוועסטער אַלבאַנץ (פּערלע און תמר), פּאָלע גלאַטשטערן און נאָך אַנדערע.

צו יענער צײַט האָט דער פאַרבאַנדס־קאָמיטעט צונויפגערופן דעם צווייטן צוזאַמענפאָר פון פאַרבאַנד. דער צוזאַמענפאָר (אין מײַ 1906) אין וואַרשע האָט, אויסהערנדיק דעם באַריכט פון די דעלעגאַטן צום אַלרוסישן צוזאַמענפאָר אין פעברואַר אין פּאָלטאַווע, באַשלאָסן אַרײַנצוטרעטן אין דער „רוסישער פּאַרטיי" „אויף אויטאָנאָמע יסודות", איבערלאָזנדיק פאַר זיך דאָס רעכט פון שריפטלעכער און מינדלעכער פּראָפּאַגאַנדע בנוגע דער פּאַלעסטי־

נער פראַגע, עס האָט זיך געהאַנדלט, פאַרשטייט זיך, וועגן פרינציפיעלן פאַלעסטיניזם.

אַ פאָר טעג פאַרן צוזאַמענפאָר איז צו אונדז אין וואַרשע געקומען אַ מיטגליד פון רוסישן צ"ק דער חבר באָרוכסאָן (כאַשין, אַלעקסאַנדער)). דאָס איז געווען אין מײַ, איך געדענק דעם טאָג, ווײַל די קאָזאַקן זענען אַרומגעפאָרן איבער דער גאַנצער שטאָט און געשלאָגן יעדן דורכגייער, ספעציעל ייִדן. איך בין געגאַנגען צו כאַשינען אין האָטעל „ראָסיאַ" (נאָוואָליפקע 8) און מײַן נס איז געווען וואָס איך האָב געזען די קאָזאַקן בשעת איך בין שוין געווען נאָענט צום האָטעל. מיר האָבן זיך דעמאָלט דאָס ערשטע מאָל דורכגעשמועסט וועגן אַ סך טעאָרעטישע ענינים און איבער הויפט מכות „אונדזער פלאַטפאָרם".

אין נײַעם פאַרבאַנדס־קאָמיטעט זענען אַרײַן: בן־ציון, אריה און איך, אָבער אַזוי ווי אריה איז נישט געזעסן אין וואַרשע און בן־ציון איז אין אַ חודש אַרום אָפגעפאָרן און זיך דערווײַטערט פון דער אַרבעט, איז מיר יענעם זומער אַליין אויסגעקומען צו פירן די אַרבעטן פון פאַרבאַנדס־קאָמיטעט.

בשעת מיר זענען נאָך געזעסן אין מאָדלין איז אַרויס דער ערשטער נומער „דאָס ייִדישע אַרבעטער־וואָרט", אַרויסגעגעבן דורך מ. יאַרבלומען (מ. סאַלאָמאָן) אַלס אָרגאַן פון טשענסטאָכאָווער ראַיאָן־קאָמיטעט. דער ערשטער נומער איז געווען זייער בלאַס — ער איז באַשטאַנען פון איין אַרטיקל מ. י"ס קעגן בונד, וואָס איז שפעטער אַרויס אין אַ באַזונדער בראָשור, און פון אַ צוויי קאָרעספאָנדענצן. געדרוקט איז דער נומער, דאַכט זיך, אין קראָקע און מיר האָבן שוין דעמאָלט, אין סוף אַפריל, געשיקט שמואל אײַנבינדערן ברענגען אים קיין וואַרשע. דער נײַער פאַרבאַנדס־קאָמיטעט האָט באַשלאָסן פאַרצוזעצן די אויסגאַבע אַלס אָרגאַן פון וואַרשעווער קאָמיטעט. בן־ציון, אויף וועלכן מיר האָבן אויף דעם פרט געלייגט די גרעסטע האָפנונגען, האָט גאָרנישט געגעבן פאַרן נומער. איך געדענק נאָר אַז מיטן גאַנצן גרייטן מאַטעריאַל זענען מיר אין דרײַען, אײַנשטיין, בלאָך און איך, געפאָרן צו אים אין וואָלאָמין. אין דעם נומער 2 „דאָס ייִדישע אַרבעטער־וואָרט" זענען אַרײַן אַרטיקלען פון אונדז דרײַען, מנחמס אַן אַרטיקל און אַ בריוו צו ייִדישע אַרבעטער פון חבר זיאַמע (אָסטראָווסקי), איבערגעזעצט פון דוויד בלאָך (געחתמעט ח'טע רחל), און אַ פאָר קאָרעספאָנדענצן. דאָ איז אויך אויבן אָן געווען אָפגעדרוקט די מיטטיילונג פון פאַרבאַנדס־קאָמיטעט וועגן אַרײַנטריט אין דער רוסישער פועלי־ציון־פאַרטיי.

עד־היום ווייס איך נישט ווו און ווי אַזוי מען האָט געדרוקט דעם נומער. איך ווייס נאָר אַז מיר האָבן איבערגעגעבן דעם גאַנצן מאַטעריאַל אונדזער טעכנישער קאָמיסיע מיט שמואל אײַנבינדערן בראש, און חברה האָט אין אַ טאָג 2 שפעטער געבראַכט אַ פאַרטיקן בראָשירטן נומער. דערבײַ איז אינטערעסאַנט וואָס די קאָרעקטור איז דעמאָלט געווען אַן אויסגעצייכנטע, נישט צו פאַרגלײַכן מיט די איצטיקע פאַרטיי־צײַטונגען. שמואל האָט מיר נאָר דערציילט אַז מ'האָט געדרוקט דעם נומער מיט דער חילוף פון אונדזער באָיווקע. זי האָט מיט רעוואָלווערן פאַרנומען אַ בירגערלעכע דרוקערײַ און געצוווּנגען צו דרוקן דעם נומער. די זעצערס, פאַרשטייט זיך האָט מען באַצאָלט.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער צײַטונג איז אינטערעסאַנט ווי אַזוי מיר האָבן באַקומען פינאַנציעלע מיטלען צו דרוקן די אומלעגאַלע אויסגאַבע. צו יענער צײַט האָט זיך בײַ אונדז געוויזן אויפן פאַרטיי־האָריזאָנט אַ חבר אַברהם בורזשוי. אַ קורצער, אַ דיקער, אַ ביסל אַ זאַיִקע, שטענדיק מיט מזומן אין קעשענע (די מאַמע שיקט אים פון ערגעץ טיף רוסלאַנד, האָט ער געזאָגט). אַ רעוואָלוציאָנער געקראָכן אין פײַער שפילנדיק זיך תמיד מיט אַ רעוואָלווער, אַפילו אין די געפערלעכסטע טעג. ער האָט כסדר אויסגעקלערט די ריזיקאַלישסטע פלענער, נאָר דער קאָמיטעט האָט אים אָפגעהאַלטן זיי אויסצופירן. אַברהם איז עס געוואָרן בײַ אונדז דער „הויפט־נאַטשאַלניק" פון דער באָיווקע. ער האָט אַ מאָל פאָרגעלייגט צו הרגענען דעם קליינעם, גראָבן רעווירואָווע וואָס איז געשטאַנען עק קאַרמעליצקע און נאָוואָליפקע. דער רעווירואָווע האָט זיך אָנגעזעצט אויף אונדזער בערזע (אויף נאָוואָליפקע) און כמעט יעדן טאָג האָט ער זי פונאַנדערגעטריבן. עס האָט אונדז געקאָסט, באמת, אַ סך מי און צײַט אום נישט צו דערלאָזן הרגענען דעם רעווירואָווע. דערצו מוז מען געדענקען וואָס פאַר אַ צײַט דעמאָלט איז געווען. די רעאַקציע האָט געווילדעוועט ווי קיין מאָל נישט. די שטאָט איז געווען פאַרפלייצט מיט מיליטער, וואָס האָט געקוקט אויף וואַרשע ווי אויף אַ דעראָבערטער שטאָט. מ'איז זיך באַגאַנגען מיט דער גאַנצער באַפעלקערונג, סײַ מיט דער פוילישער, סײַ מיט דער ייִדישער, ווי מיט בונטאָווטשיקעס. פאַטרולן זענען אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג איבער די גאַסן און באַזוכט יעדן דורכגייער, און קוים האָט מען עפעס געפונען, האָט מען געשלאָגן מכות־רצח. פאַרבײַ די קאַזאַרמעס פון וואָלינער פאָלק אויף פשעיאַזד האָט מען נישט געקענט אַדורכגיין פונקט אַזוי ווי שפעטער, אין 1919. דער חילוק איז נאָר וואָס אין 1906 האָט מען דאָרט געשלאָגן אָן אונטערשיד פון נאַציאָנאַליטעט. דעמאָלט בערך אין חודש יוני, איז פאָרגעקומען דער בלוטיקער מיטוואָך, ווען די פפ"ס האָט אין איין טאָג אויסגעהרגעט אין פאַרשידענע שטאָטטיילן עטלעכע צענדליק סטויקאָוועס מיט זעלנער (יעדער סטויקאָווע פלעגט דעמאָלט שטיין צוזאַמען מיט צוויי זעלנער) און געוואָרפן עטלעכע באָמבעס אין פאַטרולן. יענעם מיטוואָך האָט מען פון 3 אַ זייגער בײַטאָג אָנגעהויבן צו שיסן סתם אין אַלע גאַסן. די וואָלינצעס זענען אַרויס פון זייער קאַזאַרמע, זיך אויסגעשטעלט אַנטקעגן נאָוואָליפיע־גאַס און גענומען שיסן לענגווים דער גאַס (איך האָב געוווינט אויף נאָוואָליפיע און דאָס צוגעזען). בײַ אונדז אין גאַס האָט מען געשאָסן 6 דורכגייערס, צווישן זיי אַ מיידל פון אַ יאָר דרײַצן וועלכע האָט אויפגעעפנט דאָס פענצטער אויפן ערשטן שטאָק און זיך אַרויסגעבויגן אַ קוק צו געבן וואָס עס קומט פאָר אין גאַס.

אַ זייגער 6 פאַר נאַכט האָט מען אָפגעשפאַרט אַלע גאַסן אַרום דער מאַרשאַלקאָווסקע און די דורכגייער נישט געלאָזן אַהיים גיין. די יעניקע וואָס האָבן געוווינט אויף איינער פון די זײַטיקע גאַסן לעבן מאַרשאַלקאָווסקע זענען שעהען לאַנג געגאַנגען פון איין עק ביזן צווייטן און געבעטן זיך רחמים בײַ די אָפיצירן, מ'זאָל זיי לאָזן גיין אַהיים. אין ייִדישן קוואַרטאַל האָט דאַן פון פאַר נאַכט אָן געהערשט אַ טויטע שטילקייט.

שוין פריִער איז מען אין אָוונט נאָך נײַן אַ זייגער ווייניק געגאַנגען אין די גאַסן. פון יענעם מיטוואָך אָן האָט מען פון 8 אַ זייגער נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש אויף דער גאַס, אחוץ די פאַטרולן וועלכע זענען שוין געגאַנגען איבער די גאַסן נישט אין מיטן נאָר אויף ביידע טראָטואַרן. דערבײַ איז איין זעלנער געווען אָפגערוקט פונעם צווייטן אויף אַ 5 טריט, מחמת מורא פאַר באָמבעס.

איך דערמאָן זיך פאָלגנדיקן פאַל: איך בין געווען אײַנגעמאָלדן אין שטאָט, אָבער אַלע אָוונט אַ זייגער 11 בין איך אַרויסגעפאָרן אין שווידער (אַ זומער־וווינונג הינטער וואַרשע) און דאָרטן גענעכטיקט. דאָס איז געווען נישט קיין איבעריקע פאָרזיכטיקייט צוליב די שטענדיקע הויז־אונטערזוכונגען (דעם זומער זענען זיי געווען בײַ מיר 4 מאָל — און בלויז איין מאָל בין איך געווען בשעת מעשה אין דער היים און דורך אַ צופאַל זיך אַרויסגעדרייט). דעם ערשטן זונטיק נאָך דעם "בלוטיקן מיטוואָך", אין דער פרי בין איך מיר געגאַנגען פון וואָקזאַל אויף די נאַלעווקעס. נישט ווײַט פון עק נאָוואָליפקע האָב איך באַמערקט ווי ייִדן אײַלן זיך צו פאַרמאַכן די קראָמען און די דורכגייערס באַהאַלטן זיך אין די טויערן. כ'האָב זיך אַרומגעקוקט און בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין די סיבה דערפון. ווען איך בין אָבער פון די נאַלעווקעס אַרײַן אין נאָוואָליפקע האָב איך זיך געטראָפן פנים על פנים מיט אַ פונאַנדער געוואָרפענעם פאַטרול וואָלינצעס. איצט האָב איך שוין פאַרשטאַנען די סיבה פון דער בהלה. ס'איז שוין אָבער געווען שפעט צו אַנטלויפן. מ'דאַרף געדענקען אַז די פאַטרולן האָבן אַלע ייִדן ספעציעל שרעקלעך געשלאָגן. עס קען זײַן אַז מיך האָט געראַטעוועט מײַן סטודענטן־היטל (פונקט דעמאָלט האָט מען זיך עפעס בעסער אָנגעהויבן צו באַגיין מיט סטודענטן) און איך האָב אויסגעמיטן קלעפ. דער אָפיציר האָט אַ מאַך געטאָן מיטן פינגער, מען האָט מיך גאַנץ ענערגיש באַזוכט און אָפגעלאָזט. איך בין מיט מזל פאַרבײַ דעם לעצטן זעלנער, ערשט שרײַט ער „סטאָי, סטאָי!" כ'האָב זיך אָפגעשטעלט. דער זעלנער האָט מיר אָפגעשפילעט דעם ראָק, דאָס וועסטל, דאָס העמד און גענומען זוכן אויפן לײַב. איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס וויל ער פון מיר. ער האָט אַפנים געפונען פאַר

נויטיק צו דערקלערן זײַן אויפפירונג און מיך אַ פרעג געטאָן: צי ביסטו נישט קיין „געשטעמפעלטער?”. ס'איז גראָד געווען נאָך דער באַרימטער עקספּראָפּריאַציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן באַנק אין מאָסקווע דורך מעזענצעוו, וועלכער איז אַנטלאָפן. דער דאָזיגער מעזענצעוו איז געווען געשטעמפּלט אויף דער ברוסט. דער זעלנער האָט מיך חושד געווען אַז איך בין עס מעזענצעוו... און געזוכט די חתימה...

אָט אין דער צײַט האָט זיך בײַ אונדז אָנגעהויבן די טעטיקייט פון אברהם בורזשוי, דעם נאַטשאַלניק פון דער באָיוווקע. מיר האָבן זיך גענייטיקט אין פּאַפּיר פאַר דער צײַטונג, האָבן מיר געשיקט אַברהמען מיט נאָך אַ חבר צו אַ פירמע אויף דער פאַבריטשנע־גאַס, גרוימאַן, מ'זאָל פאַר דער אָרגאַניזאַציע געבן פּאַפּיר. די פירמע האָט קיין פּאַפּיר נישט געגעבן און האָט נאָך אויסגעזידלט אַברהמען. דאָס איז געווען אַן אומדערהערטע באַליידיקונג פאַר דער אָרגאַניזאַציע, און דער קאָמיטעט האָט געמאָלדן דער פירמע אַז זי מוז זיך אַנטשולדיקן און אַלס שטראָף באַצאָלן 500 רובל; אויב נישט ווערט איר דערקלערט אַ באָיקאָט. תחילת האָט זיך די פירמע אויסגעלאַכט און קיין געלט נישט געוואָלט באַצאָלן. אַז די באָיוווקע האָט אָבער נישט אַרײַנגעלאָזט קיין סוחרים, אויסגעבראָכן די שויבן פון די שויפענצטער, וועלכע האָבן געקאָסט מער ווי 500 רובל, האָט די פירמע געזוכט פּראָטעקציע בײַ... פּרילוצקין, וועלכער האָט געוואָלט שפּילן די ראָלע פונעם פּראָטעקטאָר פון פּועלי־ציון. ער האָט, משמעות, צוגעזאָגט גרוימאַנען צו דערלײדיקן דעם ענין און מיר צוגעשיקט אַ צעטל מיט מוסר. מיר האָבן פּרילוצקין אָנגעוויזן זײַן אָרט און געבעטן נישט צו מישן זיך נישט אין זײַנע ענינים. דער סוף איז אָבער געווען אַז גרוימאַן האָט די 500 רובל יאָ באַצאָלט.

אַן אַנאַלאָגישער פאַל איז פאָרגעקומען מיט דער פירמע אײַזענבערג אויפן פּשעיאַזד. די פירמע האָט זיך געהאַלטן תקיפער, ווײַל די קאַזאַרמעס זענען געווען קעגן איבער, און דער עיקר ווײַל ס'האָבן זיך אַרײַנגעמישט די פּפּ"ס, וועלכע האָבן אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלע פּראָקלאַמאַציע ווו זיי האָבן מיט אַ כיוון, צי על פּי טעות הבחור־הזעצער, אונדז גערופן „פּאַדלע־ציון”.

די פּראָקלאַמאַציע איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס צוליבן באָיקאָט אויף אײַזנבערגס געשעפט, וואָס זײַנע אָנגעשטעלטע האָבן געהערט צו די ייִדישע פּפּ"ס און די לעצטע האָבן זיך געפונען געטראָפן דערמיט וואָס מיר האָבן דערקלערט דעם באָיקאָט נישט אָנפרעגנדיק זיך זיי און נישט רעכענענדיק זיך מיט זיי. זיי האָבן זיך אַרײַנגעמישט אין סכסוך און עס איז אַפילו געקומען איין מאָל צו אַ געשלעג. דער צווייטער טעם איז געווען דער שטרײַק פון די קעלנערס בײַ גריצהענדלערן אין צוקערניע אויף נאַלעווקעס. דעם שטרײַק האָבן מיר געפירט און גריצהענדלער האָט אָנגעשטעלט צוויי פּוילישע אַרבעטער. אונדזערע חברים האָבן זיי געוואָלט אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט און דאָס האָט אויפגערעגט די פּפּ"ס, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט די צוויי שטרײַקברעכערס. עס איז געקומען צו שויבן־ברעכן וכדומה בײַ גריצהענדלערן. דעם גאַנצן כעס צו אונדז האָבן די פּפּ"ס אויסגעלאָזן אין דער אויבן דערמאָנטער פּראָקלאַמאַציע, אויף וועלכער מיר האָבן געענטפערט מיט אַ לאַנגן אויפרוף אונטערן נאָמען „משה־רבינוס פערדעלעך” (געשריבן פון חיים־ירמיהו). דערבײַ איז אינטערעסאַנט אַז דער אויפרוף האָט זיך געדרוקט אין דער דרוקערײַ אויף אָגראָדאָווע 24, וווּ כמעט אַלע פּאַרטייען האָבן דעמאָלט געדרוקט זייערע אויסגאַבעס. צו דער זעלבער צײַט האָט די „רוסישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע” געדרוקט דאָרטן דעם באַקאַנטן „וויבאָרגער אויפרוף” פון די דומע־דעפּוטאַטן. אַ דאַנק אָבער זייערן אַ פּראָוואָקאַטאָר האָט מען פאַרכאַפּט די דרוקערײַ בשעתן דרוקן דעם וויבאָרגער אויפרוף. אונדזערע חברים איז געלונגען אַרויסצוגנבענען דעם זאַץ פון אונדזער אויפרוף קעגן די פּפּ"ס, וועלכן מ'האָט דערנאָך אַראָפּגענומען מיט אַ וואַליק. דעריבער איז דערשינען עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד צו אַ 30־40 עקזעמפּלאַרן.

ביסלעכווײַז איז אַברהם בורזשוי געקומען צום געדאַנק וועגן עקספּראָפּריאַציעס. די פּפּ"ס האָבן געמאַכט עקספּראָפּריאַציעס אַלע טאָג. אַ גוטע באָיוווקע האָבן מיר געהאַט, קיין געלט איז נישטאָ, די רעגירונג דריקט און שטיקט — פאַר וואָס זאָלן מיר נישט אָנווענדן דעם זעלבן מעטאָד ווי די פּפּ"ס?. נישט אַלע האָבן דעמאָלט פאַראויסגעזען די דעמאָראַליזאַציע וואָס אַזאַ אַרבעט איז עלול אַרײַנצוברענגען אין אונדזערע אייגענע רייען, און אויף אַ זיצונג פונעם קאָמיטעט מיטן אָנטייל פון אברהם ב. איז באַשלאָסן געוואָרן צו גרינדן אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס זאָל זיך מיט דער זאַך פאַרנעמען. די קאָמיסיע האָט געקריגן דעם נאָמען „קאָנספּיראַטיווע קאָמיסיע” און איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. אין דער קאָמיסיע זענען אַרײַן די דרײַ נאַטשאַלניקעס פון די דרײַ גרופּעס פון דער באָיוווקע, אַברהם בורזשוי, איך אַלס מיטגליד פון קאָמיטעט און דער פאַרמיטלער.

צוליב דעם און אַנדערע טעמים האָבן מיר זיך געמוזט פאַרקאָנספּירירן און מיר האָבן באַשלאָסן אַז דוויד בלאָך הייסט ישעיהו, חיים אײַנשטיין — ירמיהו און איך — זכריהו; איך מוז אָבער קאָנסטאַטירן אַז בשעת די ביידע ערשטע נעמען האָבן זיך אָנגענומען, האָט מיך כמעט קיינער אין לעבן נישט גערופן זכריהו און מײַנע ווײַטערדיקע פּרווון צו ענדערן מײַן נאָמען האָבן נישט געבראַכט צו קיין בעסערע רעזולטאַטן, ביז איך האָב נישט פאַרלאָזט וואַרשע.

באַטראַכטנדיק פאַרשידענע פּראָיעקטן פון עקספּראָפּריאַציעס, איז מען סוף־כל־סוף געקומען דערצו אַז קודם־כל זאָל מען עקספּראָפּריִירן די קאַסע פון דער באַנסטאַנציע פּאַלעניצע (אַ זומערוווינונג הינטער וואַרשע). די עקספּראָפּריאַציע איז געלונגען. אויף מאָרגן איז באַלד געווען אַ ידיעה וועגן דעם אין די צײַטונגען — און היות ווי מיר האָבן — לויטן בײַשפּיל פון די פּפּ"ס — איבערגעלאָזט אַ באַשטעטיקונג אין נאָמען פון פּועלי־ציון, האָבן די צײַטונגען באַלד געשריבן אַז פּועלי־ציון האָבן געמאַכט די עקספּראָפּריאַציע.

דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן. אַברהמען האָט שטאַרק פאַרשמעקט דער ענין (פאַר וואָס — איז אונדז קלאָר געוואָרן שפּעטער), האָט ער פאָרגעלייגט מ'זאָל עקספּראָפּריִירן די פּאָסט עק דזשעלנע און דזשיקע אין וואַרשע. ער איז שוין אַהין עטלעכע מאָל געגאַנגען, גוט באַקאַנט זיך מיט דער טאָפּאָגראַפיע פון דער דירה. בסך־הכל זענען דאָרט דאָ 5 זעלנער. מיר האָבן בשום אופן נישט געוואָלט געבן אונדזער הסכם, ווײַל מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז דאָ גייט מען זיכער אויף קרבנות. צוליב געלט, האָבן מיר געטענהט, לוינט עס נישט. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו עקספּראָפּריִירן די קאַסע אויף דער באַנסטאַנציע אָטוואָצק (די זעלבע ליניע ווי פּאַלעניצע). די דאָזיקע עקספּראָפּריאַציע איז שוין נישט אַזוי בשלום אַריבער. ערשטנס האָט זיך דאָרטן די גאַנצע באָיוווקע געוואַלגערט צוויי טעג. צופעליק איז אָנגעקומען אַן עשאַלאָן מיט זעלנער, האָט מען די ערשטע נאַכט ניט געקאָנט אַדורכפירן די עקספּראָפּריאַציע. אמת, מען האָט אויסגענוצט דעם טאָג צו עקספּראָפּריִירן די פּאָסט אין אָטוואָצק. צווייטנס האָט איין קאָנדוקטאָר פּרובירט זיך אַקעגנשטעלן און אַרויסכאַפּן בײַ איינעם פון אונדזערע דעם רעוואָלווער, האָט ער דערפאַר באַצאָלט מיטן לעבן. אַ דאַנק דעם שאָס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסערײַ גלאַט אין דער וועלט אַרײַן און פון אַן אייגענער קויל איז פאַרוווּנדעט געוואָרן שמולעק העפּטער (שפּעטער איינער פון די אָנפירער פון השומר אין פּאַלעסטינע און איצט אַן אַקטיווער אחדותניק). צו לעצט האָט דער פאַרוואַלטער פון דער באַנסטאַנציע געטענהט אַז מ'האָט צוגענומען אויך זײַנע פּערזענלעכע געלטער (300 ר'). היות מיר האָבן דערקלערט אַז מיר „קאָנפיסקירן” נאָר רעגירונגס־געלטער, האָבן מיר געהאַט אַ סך קאָפּ־פאַרדרייעניש. ביז מיר האָבן דעם פאַרוואַלטער אָפּגעגעבן זײַן געלט, נאַטירלעך מיטן תנאי, ער זאָל מודיע זײַן אין די צײַטונגען אַז ער האָט זײַן געלט פון די פּועלי־ציון צוריק באַקומען. די אַלע „פינאַנציעלע” אָפּעראַציעס האָבן אונדז געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצוגעבן נאָך אַ נומער „דאָס ייִדישע אַרבעטער־וואָרט” (נ' 3) מיט די זעלבע מיטאַרבעטער. אין דעם נומער זענען שוין געווען אַ סך קאָרעספּאָנדענציעס, מיט וועלכע עס האָט אונדז פאַרזאָרגט בנימין עפּראָן, וועלכער איז דעמאָלט אַרומגעפאָרן איבער פּוילן.

נאָך דער לעצטער עקספּראָפּריאַציע האָט אַברהם בורזשוי זיך אָנגעהויבן רײַסן אַהיים, צו זײַן מאַמען, ערגעץ אין טיף רוסלאַנד. די מאַמע, האָט ער געטענהט, איז קראַנק און רופט אים. מיר האָבן אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן, הגם מיר איז שוין דאַן פאַרדעכטיק געוואָרן וואָס ער האָט אַ סך געלט און איז בשעת הדחק אַפילו גע־

וואָרן אַ מלווה פון דער אָרגאַניזאַציע. ספעציעל האָט זיך נישט געגלייבט אַז אין אַ קאַסע פון אָטוואָצק זאָל נישט האָבן געווען מער ווי 300 רובל. ווען אַברהם איז, נישט קוקנדיק אויף אונדזער פאַרבאָט, אין איין שיינעם פרימאָרגן נעלם געוואָרן, האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז די מעשה איז נישט גלאַטיק. ביסלעכווײַז האָט פאַר אונדז אָנגעהויבן קלאָר צו ווערן די גאַנצע פיזיאָנאָמיע פון דעם בחור. ערשט נאָך דעם ווי ער איז אָפגעפאָרן, האָט מען אונדז אָנגעהויבן צו דערציילן אַז ער האָט זיך געוואָרפן מיט געלט, אַז ספעציעל נאָך די טעג פון די עקספראָפריאַציעס האָט מען בײַ אים געזען אַ סך געלט, וכדומה. פאַר אונדז איז פולשטענדיק קלאָר געוואָרן אַז מיר האָבן געהאַט צו טאָן מיט אַ טיפישן „קאָמבינאַטאָר". אַ קאָמבינאַטאָר האָט דעמאָלט געהייסן אַ מענטש וואָס איז אייגנטלעך נישט געווען קײַן פשוטער גנב, נאָר האָט לײַכטזיניק געמאַכט פאַרשידענע „קאָמבינאַציעס" מיט פאַרטייגעלטער. אַברהם בורזשוי איז געווען אַ קלוגער קאָמבינאַטאָר. ווי נאָר ער האָט דערפילט אַז דער באָדן הייבט זיך אָן וואַקלען אונטער זײַנע פיס, האָט ער זיך געזאָגט: גענוג! געמאַכט פליטה. ער האָט נאָך געהאַט אַ העזה צו שרײַבן אונדז אַ ידידי־בריוול אַז ער וואָלט גערן געקומען צוריק, נאָר די מוטער...

יענער מיטן זומער איז געווען די בעסטע צײַט פאַר אונדזער אָרגאַניזאַציע. איר לעבנס־אימפעט האָט זיך שטאַרק געפילט, דער דופק האָט געקלאַפט. אַ סך פון אונדזערע אינטעליגענטע מיטלויפערס האָבן געוווינט אויף אַ זומער־וווינונג אין שווידער און דאָרטן איז געוואָרן אַ צווייטער צענטער פון די פועלי־ציון. יעדן שבת זענען אַהין געפאָרן הונדערטער פון אונדזערע חברים, דאָרטן זענען פאָרגעקומען יעדן שבת לעקציעס און מיטינגען אין וואַלד. פון די לעקציעס, געדענק איך צוויי (יאַרבלומס און מײַנע). איין שבת האָבן מיר דאָרטן געמאַכט אַ מיליטערישן „סמאָטר". עס זענען אַראָפגעקומען אַ 500 חברים, צווישן זיי אויך די גאַנצע באָיוווקע. מיט אַ רויטער פאָן און מיט רעוואָלווערן האָט די מחנה דורכפאַראַדירט איבער גאַנץ שווידער, און די חברים האָט שטאַרק הנאה געטאָן זעענדיק וואָס פאַר אַן אימה ס'האָט באַהערשט די אַלע בירגערלעכע „לעטניקעס".

אונדזערע שילערס און סטודענטן האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אין שווידער אַ באַזונדערן אָרגאַן (העקטאָגראַפירט) „די דאַטשע־כראָניק". עס זענען אַרויס 3־4 נומערן. רעדאַגירט דעם אָרגאַן האָט מײַן שוועסטער מרים, גאָרדאָן און שמואל קאַצענעלסאָן. דער אָרגאַן איז שטאַרק אָנגענומען געוואָרן... אין שווידער. איך געדענק נאָר איין עפיזאָד. די חברטע סאַבינע האָט אָנגעשריבן אַ לייט־אַרטיקל (אין פויליש) פאַר אַ נומער „דאַטשע־כראָניק" און מיט מיר עס אָפגעשיקט פאַר דער רעדאַקטאָרין אין שווידער. אונטערוועגס האָב איך אים דורכגעלייענט און ער איז מיר געפעלן געוואָרן. מיר זענען געשטאַנען פאַר דער אויסגאַבע פון דריטן נומער „דאָס ייִדישע אַרבעטער־וואָרט" און אונדז האָט גראָד געפעלט אַ לייט־אַרטיקל. עס איז געווען פונקט נאָכן צעטרײַבן די ערשטע דומע אין יולי 1905. אָנשטאָט אין „דאַטשע־כראָניק" האָב איך דאָס אַרטיקל איבערגעגעבן דווידן (בלאָך). ער האָט עס איבערגעזעצט, אַ ביסל געענדערט, עפעס צוגעגעבן, און עס איז אַרויס גאָר נישט קיין שלעכט אַרטיקל (דאָס לייט־אַרטיקל פון נ' 3 „ייִד' אַרבעטער־וואָרט").

דער דריטער נומער איז געווען אונדזער לעצטע אויסגאַבע אין יענעם זומער. די פאַרטיי־אַרבעט האָט זיך אַלץ מער און מער פונאַנדערגעוואַקסן. מיר האָבן זיך אַלץ מער און מער גענייטיקט אין פינאַנציעלע מיטלען, די צאָל פראָפעסיאָנאַלן איז געוואַקסן, און מיר האָבן געמוזט אָפשטעלן די אויסגאַבע. די פראָפעסיאָנאַלן האָבן בײַ אונדז באַקומען נישט קיין גרויסן געהאַלט, למשל יצחק זייגערמאַכער, שמואל אײַנבינדער און חיים האָבן באַקומען צו 3 רובל אַ וואָך, שפעטער האָט מען זיי געהעכערט ביז 4 רובל אַ וואָך. איין בן־ציון האָט בײַ אונדז די ערשטע צײַט, ביז זײַן אָפפאָרן, באַקומען אַ „גראַנדיעזן" געהאַלט פון 8 רובל אַ וואָך. די פאַרטיי־אַרבעט האָט אַלץ געפאָדערט נײַע און נײַע כוחות, ווײַל די אָרגאַניזאַציע פלעגט זיך פונאַנדערוואַקסן פון טאָג צו טאָג און דערפאַר טאַקע האָט דער קאַמף מיט די אַנדערע פאַרטייען אָנגענומען אַלץ אַ מער פאַרביטערטן כאַראַקטער.

אויף דער ייִדישער גאַס האָבן דעמאָלט געקעמפט 5—6 פאַרטייען: די עלטסטע אָרגאַניזאַציע — דער בונד, נאָך דעם די ס"ס, וועלכע זענען צו יענער צײַט געווען פאַרהעלטנישמעסיק שטאַרק און געהאַט אַ געוויסע באַדײַטונג, נישט אַזוי אין וואַרשע ווי אויף דער פראָווינץ, די פ"ס, וועלכע האָבן געהאַט אַ ספעציעלע ייִדישע אָפטיילונג וואָס האָט אַפילו אַרויסגעגעבן אַ ביסל אומלעגאַלע ליטעראַטור און פראָקלאַמאַציעס אין ייִדיש, מיר וואָס זענען אָקערשט וואָס געקומען אויף דער ייִדישער גאַס און געפונען כמעט אַלע פאָזיציעס פאַרכאַפט. און מען דאַרף נאָך צורעכענען די סדקפ"ל, וועלכע האָבן דאַן געהאַט אַ קליינע השפעה אויף דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט. ועל־כולם איז געווען נאָך איין פוילישע פאַרטיי „די פוילישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי פראָלעטאַריאַט", וועלכע איז צו יענער צײַט באַשטאַנען, ווי מ'האָט געזאָגט, פון אַ פאָר הונדערט מאַן, אָבער זי האָט געמאַכט אַזאַ גרויסן טאַראַראַם אין שטאָט בכלל און אַפילו צווישן די ייִדישע אַרבעטער, אַז מען האָט געמיינט, אַז זי איז פיל שטאַרקער — אַ פאַרטיי מיט אַן אויסגעשפראָכענעם טעראָריסטישן כאַראַקטער, אַ מין רוסישע ס"ר. דאָס איז געווען אַ פאַרטיי וואָס האָט פון פפ"ס איבערגענומען דעם רעוואָלוציאָניזם און טעראָריזם און פון דער סדקפ"ל — איר סאָציאַליסטישן אינהאַלט. די פאַרטיי האָט זיך אָבער לאַנג נישט געהאַלטן און אַ דאַנק די אויסגעשפראָכענע אַנאַרכיסטישע טענדענצן האָט זי געהאַט אַ סך פראָוואָקאַטאָרן און „קאָמבינאַטאָרן". אַלס כאַראַקטעריסטישן בײַשפיל געדענק איך דעם טויטאורטייל וואָס די פאַרטיי האָט אויסגעפירט אויף איינעם פון אירע אָנפירערס — מײַנעם אַ פערזענלעכן גוטן באַקאַנטן נאָך פון די גימנאַזיע־צײַטן — דווידקע גורעוויטש. ער האָט דעמאָלט געוווינט אויף נאָוואָליפקע 29 — איך בין צופעליק געווען בײַ בן־ציונען (נאָוואָליפקע 36). דערהערט עטלעכע שאָסן אין מיטן העלן טאָג אַ זייגער 14, האָב איך זיך אַרויסגעבויגן פון פענצטער און דערזען ווי 3 מענטשן אַנטלויפן פון טויער 29. איך בין אַראָפ און האָב זיך דערוווּסט אַז דאָס האָט מען דעם תמיד פריילעכן און גוטגעשטימטן דווידקע גורעוויטשן געהרגעט, לויטן אורטייל פון דער פאַרטיי „פראָלעטאַריאַט". די שוועסטער זײַנע האָט מיר דערציילט אַז אין דער פרי האָט אים זײַנער אַ גוטער פרײַנד געשיקט אָנזאָגן אַז ער זאָל פון דער היים נישט אַרויסגיין דעם גאַנצן טאָג. אַ זייגער 2 איז געקומען אַ חבר און האָט אים אַרויסגערופן אין טויער, וווּ מען האָט אים אויפן אָרט אַנידערגעלייגט מיט דרײַ קוילן.

געהרגעט האָט מען אים דערפאַר וואָס ער האָט „דעמאָראַליזירט דעם פליישערפאַך", וואָס ער, ווי מ'האָט געזאָגט, האָט אויסגענוצט די פאַרטיי־סטעמפלען פאַר זײַנע פערזענלעכע צוועקן. ווען פון אויסלאַנד איז געקומען אַ פאָרשטייער צו אָרגאַניזירן דעם משפט, האָט דווידקע זיך אָפגעזאָגט צו גיין און געסטראַשעט אַז אויב מ'וועט קעגן אים אָננעמען אַגרעסיווע מיטלען, וועט ער איבערגעבן דער פאָליציי אַלץ וואָס ער ווייסט. אַזוי האָט מען וועגן אים דערציילט, און אַזוי איז ער אומגעקומען. אַזאַ איז געווען די אַטמאָספער פון יענער צײַט. פאַרטייען האָבן צווישן זיך שטאַרק געקעמפט אין גאַס, אויף די בערזעס, אין די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אויף מיטינגען, אין דער אומלעגאַלער פרעסע און אָפט איז עס דערגאַנגען צו פשוטע געשלעגן.

אָבער די באַוועגונג האָט זיך כסדר אַנטוויקלט, די מאַסן זענען אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט. נישט בלויז אין וואַרשע איז די אַרבעט געגאַנגען לעבעדיק. צו יענער צײַט האָט דער פאַרבאַנד געאַרבעט זייער ענערגיש און אָרגאַניזירט אַ ריי שטעט און שטעטלעך אין גאַנץ פוילן. אַ דאַנק אונדזערע אַרומפאָרנדיקע אַגיטאַטאָרן: בנימין עפראָן, יאַרבלום, אַברהם פאַריזער, אַביש און אַנדערע, איז אונדז געלונגען צו גרינדן אָרגאַניזאַציעס אין לאָדזשער, וולאָצלאַווקער, וואַרשעווער, קעלצער און אַנדערע ראַיאָנען. האָבן מיר אָנגעהויבן צונויפרופן ראַיאָן־קאָנפערענצן און ענדלעך אויך דעם 3טן צוזאַמענפאָר פון דעם פוילישן פאַרבאַנד אין אויגוסט חודש אין טשעכאָטשינעק.

צו דער 3טער קאָנפערענץ זענען געקומען 24 דעלעגאַטן פון 18 אָדער 19 פונקטן. צוליב דער פאַרהעלטנישמעסיק קליינער צאָל איז באַשלאָסן געוואָרן אַז די קאָנפערענץ זאָל זיך דערקלערן פאַר אַ באַראַטונג. די באַשלוסן פון דער באַראַטונג געדענק איך נישט, — אין זכרון זענען מיר געבליבן נאָר אַ פאָר מאָמענטן.

צו דער באַראַטונג איז געקומען אַ דעלעגאַט פון סאָכאַטשעוו

— אַ שוסטער אין די עלטערע יאָרן, אַזוי איבער פערציק, מיט אַ גרויסער באָרד. מיר זענען נאָך נישט געווען געוווינט צו אַזעלכע טיפן. מיט אים איז אויך געקומען אונדזער פראָפעסיאָנאַל וואָס האָט אין סאָכאַטשעוו געגרינדעט די אָרגאַניזאַציע — אַברהם פאַריזער. דערמאָלט האָבן מיר אים נאָך אין קיין זאַך נישט חושד געווען, אָבער צוליב די אומלעגאַלע באַדינגונגען פון דער קאָנפערענץ האָב איך, זײַענדיק אין דער מאַנדאַט־קאָמיסיע, אים נישט געוואָלט צולאָזן צו דער קאָנפערענץ, ווײַל פון סאָכאַטשעוו איז באַשטימט געוואָרן נאָר איין דעלעגאַט. אַברהם פאַריזער האָט זיך בײַ מיר געבעטן צולאָזן אים כאָטש צו דער עפענונג. ער האָט עס נישט געפועלט.

אינטערעסאַנט איז דער שפעטערדיקער גורל פון דעם דאָזיקן מענטש, וואָס הגם עס איז נישט באַוויזן געוואָרן, איז פון דעסט וועגן דערנאָך די אַלגעמיינע מיינונג געווען אַז ער איז אַ פראָוואָקאַטאָר. לאַנגע יאָרן האָב איך פון אים נישט געהערט, נאָר אין 1923 האָבן מיר די חברים אין פאַריז דערציילט אַז ער איז נאָך אַ לאַנגן איבעררײַס ווידער געקומען קײַן פאַריז און זייער שנעל געמאַכט אַ קאָלאָסאַלן פאַרמעגן, ווי אַזוי ווײַסן זיי נישט. ער האָט זיך אַפילו געקויפט אַ ווילע הינטער פאַריז, אַרומגעפאָרן נאָר אין אויטאָס און פלוצלינג געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק זײַן גאַנץ פאַרמעגן, וואָס מען האָט געשאַצט אין מיליאָנען פראַנקן, זײַן ציווילער פרוי, אַ פראַנצויזין.

צו דער באַראַטונג איז צום ערשטן מאָל געקומען דער פאָרשטייער פון רוסלענדער צ״ק ח׳ כאַשין (דעמאָלט באָרוכסאָן), וועלכער האָט אונדז שוין באַזוכט אין וואַרשע דעם 1טן מײַ. די באַציִונגען צווישן דעם פאַרבאַנדס־קאָמיטעט און צענטראַל־קאָמיטעט זענען געווען אָנגעצויגענע, אַלץ צוליב דעם טעאָרעטישן סכסוך, צווישן דעם פרינציפיעלן און פראַקטישן פאַלעסטיניזם. אָבער די חברים פון די שטעטלעך זענען זייער באַגײַסטערט געוועזן דערפון וואָס ס׳איז אָנוועזנד אַ חבר פון רוסלענדער צ״ק. בשעת דער באַראַטונג גופא איז נישט איין מאָל געקומען צו צוזאַמענשטויסן (אמת, אין גאַנץ פאַרלאַמענטאַרישע פאָרמען), וועלכע האָבן אָבער קיין פאַרטייִישע קאָנסעקווענצן נישט געהאַט.

אין דער באַראַטונג האָט גענומען צום ערשטן מאָל אָנטייל אויך דער חבר כתריאל (ל. כאַזאַנאָוויטש) — מיט וועלכן מיר איז שוין פריִער אויסגעקומען צו שליסן פאַרטייִשע באַקאַנטשאַפט.

אין די יאָרן 1907—1908 איז כתריאל געווען רעדאַקטאָר פונעם „יִדישן אַרבעטער״ אין גאַליציע, און שפעטער פאַרנומען אַ חשובן אָרט אין אונדזער זשורנאַליסטיק. דעמאָלט אויף דער באַראַטונג, האָט ער אויף אונדז געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ מענטש מיט אַ ספעציעלער נטיה צו פלפול. אָבער אין יאַנואַר־פעברואַר 1918 האָב איך זיך מיט אים געטראָפן אין רוסלאַנד, וווּהין ער איז געקומען אין נאָמען פון פאַרבאַנדס־ביוראָ, כדי צוזאַמען מיט אונדזער רוסלענדער צ״ק אונטערצונעמען אַן אַקציע אין צוזאַמענהאַנג מיטן בריסקער שלום, און איך בין איבערראַשט געווען צו זען אַז כאַזאַנאָוויטש איז אויסגעוואַקסן צו אַ פאָליטיקער פון ערשטן ראַנג. אין 1920, נאָך דער שפאַלטונג פון דער פועלי־ציון, איז כאַזאַנאָוויטש נישט צוגעשטאַנען צו קיין צד, הגם ער האָט אַ געוויסע צײַט מיטגעאַרבעט מיט די רעכטע.

די באַראַטונג האָט געדויערט צוויי מיט אַ האַלבן טאָג און איז כמעט ווי איבערגעריסן געוואָרן אין מיטן. מיר זענען געזעסן ערגעץ אויף אַ בוידעם אויף אַ דריטן שטאָק און די לעצטע נאַכט זענען מיר אַפילו אַלע געשלאָפן אויפן זעלבן בוידעם פשוט אויף דער ערד, ווײַל בסך־הכל זענען דאָרט געווען אַ 3—4 בעטן, מיט הוילע שעניקעס. שוין אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר באַמערקט אַז מען שפירט אונדז נאָך. ס׳איז קיין חידוש נישט: עס איז אַפילו געווען סעזאָנצײַט, אָבער מיר אַלע האָבן ווינציק וואָס אויסגעזען ווי קורגעסט — און די קולות וואָס האָבן זיך געטראָגן פון בוידעם האָבן געמוזט צוציִען די אויפמערקזאַמקייט פון ליידיק־גייערס, וועלכע זענען ספעציעל אַ סך צווישן די קורגעסט. האָבן מיר באַשלאָסן די באַראַטונג וואָס גיכער צו ענדיקן — און אויפן דריטן טאָג באַלד אין דער פרי האָבן מיר זי געשלאָסן. אויף וויפל עס געדענקט זיך, האָבן מיר איבערגעריסן אַלע פרינציפיעלע וויכוחים און באַהאַנדלט נאָר די אָרגאַניזאַציאָנס־ענינים. צווישן די פרינציפיעל־טאַקטישע פראַגעס איז דאָרט בײַ דער אָפשאַצונג פון פאָליטישן מאָמענט באַהאַנדלט געוואָרן אויך די פראַגע וועגן אָנטייל אין דער צווייטער דומע — די שטימונג, הגם נישט קלאָר, איז געווען אַ באָיקאָטיסטישע, קיין באַשלוס איז אָבער נישט אָנגענומען געוואָרן.

נישט קוקנדיק אויף דער ענגער אָרגאַניזאַטאָרישער פאַרבינדונג מיטן רוסישן צ״ק האָבן מיר אים אין דער ווײַטערדיקער אַרבעט ווייניק געפילט, און די אַרבעט אין פוילן האָט זיך געפירט כמעט ווי זעלבשטענדיק. — קיין חברים פון רוסלאַנד פלעגן מיר צו דער אַרבעט נישט באַקומען — און מיר האָבן אַהין קיינעם נישט געשיקט — די פאַרבינדונג איז געווען מער אַ שריפטלעכע, שפעטער אַ ביסל האָט דער רוסישער צ״ק גענומען אונדז שפײַזן מיט ליטעראַטור, וועלכע האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין ערשט אין יאַנואַר 1907 אין יִדיש אין ווילנע. טרעפן פלעגן מיר זיך בײַ צוזאַמענפאָרן און קאָנפערענצן.

נאָכדעם ווי דער צ״ק האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון פאָלטאַווע נענטער צו די יִדישע מאַסן — קיין ווילנע — האָט ער צונויפגערופן אַ קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען סוף אָקטאָבער 1906 אין גראָדנע, אין דער דירה פון ציוניסטישן דיכטער ל. יפה, ערגעץ אין אַ פאָרשטאָט. צו דער קאָנפערענץ זענען געקומען חברים נאָר לויט דער אײַנלאַדונג פון צ״ק. פון פוילן זענען געקומען בן־ציון ראַסקין, יצחק טאַבענקין, נאָך אַ חבר און איך. פון די איבעריקע אָנטייל־נעמערס געדענק איך די חברים: כאַשין, זרובבל, גאָלדע, פאַוועל (פאַלעסטיניעץ). עס איז אויך געווען אַראָנאָוו (אַרשאַווסקי), דער מחבר פון דער בראָשור „די פרינציפן פון פראָלעטאַרישן ציוניזם״, וואָס מיר האָבן אין 1917 איבערגעדרוקט אויף רוסיש אין פעטערבורג. אַראָנאָוו האָט זיך ווידער באַוויזן אין אונדזערע רייען, ערשט אין יאָר 1917 אין פעטערבורג — ער האָט אָבער דערקלערט אַז ער אַרבעט בײַ דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און איז שוין נישט קיין פועלי־ציון, הגם ער האָט נאָך סימפאַטיעס פאַר אונדז. פאַקטיש האָט ער אַ ביסל מיטגעהאָלפן אין דער אַרבעט. נענטער איז ער צו אונדז געוואָרן אין אויגוסט 1917 ווען קיין רוסלאַנד איז געקומען באָראָכאָוו, צו וועלכן ער האָט געהאַט ממש אַ סענטימענטאַלע באַציִונג. ערשט נאָך באָראָכאָווס טויט (דעצעמבער 1917) איז ער אָפיציעל אַרײַן אין אונדזערע רייען, אָבער נישט אויף לאַנג. אַ שטימונגסמענטש מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטן עגאָצענטרישן כאַראַקטער איז אים שווער געווען זיך אײַנצולעבן אין אַ באַוועגונג, און ער האָט זיך פון איר דערווײַטערט.

אויף דער קאָנפערענץ אין גראָדנע איז אויך געווען וו. אדים (פעליקס מענטשיקאָווסקי), דער מחבר פון דער רוסישער בראָשור „די יִדישע ווירטשאַפט און אירע היסטאָרישע פאַקטאָרן״, וואָס איז דערנאָך אויך אַרויס אין יִדיש. אַ טיפישער שטאַרק אַסימילירטער סטודענט, וועלכער האָט קיין יִדיש נישט געקענט — אַ מאָלער און דערפאַר פול מיט שטימונגען — אָבער דערבײַ שוין צו יענער צײַט מיט אַ סך וויסנשאַפט, וואָס האָט זיך ספעציעל אַרויסגעוויזן באַלד אין אָנהייב פון דער רוסישער רעוואָלוציע מאַרץ 1917, ווען ער איז געקומען אויף דער פאַרטיי־קאָנפערענץ אין אַפריל מיט אַ פולשטענדיק דורכגעטראַכטן און וויסנשאַפטלעך היסטאָריש באַגרינדעטן פאָרטראַג וועגן די קהילות, אַ קעגנשטאַנד וואָס איז פאַר אונדז צו יענער צײַט נאָך געווען אין גאַנצן נישט באַאַרבעט. הײַנט איז ער אין פאַלעסטינע אַ לערער. אין 1917 איז ער געווען דירעקטאָר פון אַ יִדישער גימנאַזיע אין אָדעס.

צום לעצטן טאָג פון דער גראָדנער קאָנפערענץ איז אָנגעקומען ראובן (עליאַשעוו, פון וואָראָניעזש) — אַ מענטש מיט אַ שטאַרקער אַמביציע. ווי איך האָב געהערט אין מאָסקווע, אין 1917, איז ער געווען נאָענט צו די צעירי־ציון, אָדער ער האָט געבילדעט אַ נײַע גרופירונג אין זייער גײַסט.

די לייענערס וועלן מיר מוחל זײַן וואָס בײַ מיר אין זכרון איז געבליבן נאָר דער רעפעראַט וועלכן איך אַליין האָב אין גראָדנע געהאַלטן, ווײַל דאָס איז געווען אַ פראַגע וועלכע ווערט דיסקוטירט אין די רייען פון די רעכטע פועלי־ציון נאָך עד־היום: די פראַגע וועגן אָנטיילנעמען אין ציוניסטישן קאָנגרעס. צו יענער צײַט איז צווישן אונדז נישט געווען קיין איין קעגנער דערפון, הגם אין דער באַגרינדונג איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען.

אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ איז אויך גאַנץ גענוי באַהאַנדלט געוואָרן די פּאָליטישע לאַגע אין צוזאַמענהאַנג מיט די פאָרשטייענדיקע וואַלן צו דער צווייטער דומע. כמעט אַלע חברים האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אָנטייל נעמען אין די וואַלן — קעגן באָיקאָט, אחוץ די פּוילישע. פון אונדז פיר זענען דרײַ געווען פאַר באָיקאָט, מען האָט באַשלאָסן אַז פּוילן באַקומט דאָס רעכט נישט צו גיין צו די וואַלן און אונדזער שטעלונג צו פיקסירן אין דער פּרעסע אויפן יסוד פון דיסקוסיע — דאָס דאָזיקע רעכט האָבן מיר אויסגענוצט.

די גראָדנער קאָנפערענץ האָט זיך אויך נישט געענדיקט אין גאַנצן בשלום — עפּעס האָט מען אַרעסטירט אַ צוויי־דרײַ חברים (דאַכט זיך, יצחק טאַבענקין און נאָך וועמען), נאָר מען האָט זיי אין גיכן באַפרײַט.

נאָך דער קאָנפערענץ איז דער צ"ק צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן אין ווילנע דעם ערשטן לעגאַלן אָרגאַן אין ייִדיש „דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק", וועלכער איז נאָך דעם דריטן נומער פאַרמאַכט געוואָרן. זײַן יורש, דער „פאָרווערטס", האָט געהאַט גענוי דאָס זעלבע מזל און פון אים זענען אַרויס בלויז דרײַ נומערן. פאַר פּוילן האָט די ליטעראַטור געהאַט אַ גרויסע באַדײַטונג, ווײַל ערשטנס איז דאָרט געווען באָראָכאָווס אַרטיקלען, צווייטנס ווײַל דאָס איז געווען די איינציקע אַגיטאַציע־ליטעראַטור. דער „מאָלאָט" (האַמער), וואָס איז נישט לאַנג פאַר דעם אַרויס אין 3 נומערן אין סימפעראָפּאָל, און וווּ עס איז געווען געדרוקט אַ טייל פון באָראָכאָווס „אונדזער פּלאַטפאָרם" — האָט פאַר אונדז אין פּוילן נישט געהאַט קיין גרויסן ווערט צוליב זײַן רוסישער שפּראַך.

„דער פּראָלעטאַרישער געדאַנק" האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין יאַנואַר 1907, ווען מען האָט זיך גענומען גרייטן צו דער וואַלקאַמפּאַניע צו דער צווייטער דומע. אויב אין גאַנץ רוסלאַנד האָט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע געביטן איר באָיקאָטיסטישע שטעלונג און גענומען אָנטייל אין די וואַלן צו דער צווייטער דומע (אויף קאַווקאַז האָבן אויך די ס"ד גענומען אָנטייל אין די וואַלן צו דער ערשטער דומע), האָט אין פּוילן געהערשט אַ שטאַרקע באָיקאָטיסטישע שטימונג אויך בנוגע צו דער צווייטער דומע. די מערהייט פון אונדזער פּוילישן פאַרבאַנדס־קאָמיטעט איז געווען פאַרן באָיקאָט, הגם דער רוסלענדער צ"ק, ווי מיר האָבן געזען פריִער, איז געווען פאַר אָנטייל נעמען אין די וואַלן. נאָך אין דעצעמבער 1906 האָב איך פאָרמולירט אונדזער שטעלונג צו דער דומע אין אַ גאַנץ לאַנגן אַרטיקל. דער צ"ק האָט געדרוקט דאָס אַרטיקל אין נ' 2 „פּראָלעטאַרישער געדאַנק" (אַרום דעם 30טן יאַנואַר) און אין זעלבן נומער אָפּגעדרוקט אַ תשובה פון ח' אַלעקסאַנדער (כאַשין). מיר אין פּוילן האָבן געהאַלטן אַז די צווייטע דומע ווערט צונויפגערופן דורך דער זעלבסטהערשונג נישט אונטער דעם דרוק פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, נאָר צוליב אייגענע אינטערעסן, כדי צו באַקומען אַן הלוואה אין אויסלאַנד. דערפאַר, האָבן מיר געטענהט, שטימט נישט די קאָנסטיטוציע מיט „די רעאַלע פאַרהעלטענישן פון די געזעלשאַפטלעכע כוחות". דער פּראָלעטאַריאַט איז צו שוואַך און נישט נאָר וואָס ער וועט נישט קענען אונטערהאַלטן זײַנע פאָרשטייער אין דומע, ער וועט זיי אַפילו נישט קענען פאַרטיידיקן בשעת מען וועט זיי פירן אין געפענגעניש. איז דעריבער, ווי נאָר די זעלבסטהערשונג וועט אויספירן איר כוונה — דורכפירן די הלוואה דורך דער דומע — וועט זי די דומע פונאַנדערטרײַבן, ווי זי האָט עס דאָס ערשטע מאָל געטאָן, און די דעפּוטאַטן וועלן סוף־כל־סוף מוזן „אַרונטערגיין פון דער פאָלקס־טריבונע און אפשר אַרײַנגיין אין די פאָלקסטורמעס".

דער דאָזיקער מאָמענט איז אינטערעסאַנט דערפאַר וואָס די דומע איז אין גיכן פונאַנדערגעטריבן געוואָרן און פון דער דומע האָט מען די ס"ד דעפּוטאַטן אין פאַרמאַכטע קאַרעטעס אָפּגעפירט אין טורמע. מיר האָבן אויך אָנגעוויזן אַז אויף דעם פּויערטום איז נישטאָ וואָס צו רעכנען. דאָס פּויערטום וועט זיכער נישט אַרויסטרעטן צו פאַרטיידיקן די דומע, הגם „סוף־כל־סוף וועט פּלאַצן דאָס געדולד פון פּויערטום, אָבער רעכענענדיק זיך מיט דער פּאַסיווקייט און אינערטקייט פון דעם פּויערטום מוז מען קלערן דאָס עס וועט נאָך אַ סך אויסקומען צו וואַרטן אויף דעם, לכל הפחות ביז דער פינפטער דומע" (צופעליק, כידוע, איז די רעוואָלוציע פון יאָר 1917 טאַקע פאָרגעקומען ערב אַ פינפטער דומע).

מיר האָבן אויך אָנגעוויזן אויף די ספּעציפישע באַדינגונגען פון פּוילן, וווּ דער רעגירונגס־טעראָר האָט אין יענער צײַט געווילדעוועט ביז דער העכסטער מדרגה — די רעגירונג האָט זיך שטאַרק געגרייט צו „אָרגאַניזירן" די וואַלן. דעריבער איז טאַקע דעמאָלט אין פּוילן געווען אַ שטאַרקע באָיקאָטיסטישע שטימונג. דער קאַמף איז געגאַנגען צווישן די פּפּ"ס וועלכע זענען געשטאַנען פאַר אַקטיוון באָיקאָט, און די סדקפּ"ל, קעגנער פון באָיקאָט. אָבער אַפילו די לעצטע האָבן פאַרטיידיקט דעם אָנטייל, נישט ווײַל זיי האָבן געזען אין דער דומע אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג, „די דומע איז נישט קיין נייטיקער עטאַפּ אין דער רוסישער רעוואָלוציע, די רעוואָלוציע וועט גיין פאַרבײַ דער דומע מיט דעם וועג פון אַ באַוואָפנטן אויפשטאַנד" (אין יאָר 1917 האָט זיך עס באַשטעטיקט —נ.), און די דומע וועט נאָר זײַן אַ שטערונג אויף דעם דאָזיקן וועג, און וואָס מער ליבעראַלן עס וועלן זײַן אין דער דומע אַלץ אַ גרעסערע שטערונג פאַר דער רעוואָלוציע וועט זי זײַן" (פאָלקסצײַטונג נ' 230 אין אַרטיקל: דער „בונד" און פּס"ד וועגן וואַלאָפּמאַכן אין פּוילן) „דאָס אָנטייל־נעמען אין דער דומע איז נאָר אַן אייגנאַרטיקע פאָרעם פון באָיקאָט". דער בונד האָט יאָ געזען אין דער דומע עפּעס ממשותדיקס און אים האָט זיך דווקא געוואָלט, עס זאָל דורכגיין אַן ס"ד. עס איז געווען קלאָר אַז נאָר אין לאָדזש און אין וואַרשע קאָן זײַן אַ רייד פון אַן אַרבעטער־דעפּוטאַט און „נאָר בײַ אַן אָפּמאַך אויף דער ערשטער סטאַדיע צווישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מיט פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון דער וואַרשעווער פּוילישער און ייִדישער באַפעלקערונג, מיט די „פּראָגרעסיווע דעמאָקראַטן" (פּ"ד). מיט דעם ייִדישן קאָמיטעט „קאָן פון וואַרשע לײַכט דורכגיין אין דומע איין ס"ד און איין בורזשואַזער פּראָגרעסיסט" (פאָלקסצײַטונג נ' 230, דער אויבן דערמאָנטער אַרטיקל). דער פּראָגראַם האָט זיך באַשטעטיקט בײַ די וואַלן פון יאַגעללאָ צו דער 4טער דומע. דער אונטערשיד אין צוגאַנג צו דער זאַך האָט נישט געשטערט דעמאָלט דער באָלשעוויסטישער סדקפּ"ל צו גיין צוזאַמען מיטן מענשעוויסטיש־געשטימטן בונד, געזיגט האָט אָבער די שטעלונג פון די סדקפּ"ל, ווײַל אויף דער קאָנפערענץ פון בונד מיט פּס"ד איז אָנגענומען געוואָרן די ווײַטערדיקע רעזאָלוציע: „קיין אָפּמאַכן מיט וועלכע נישט איז אָפּאָזיציאָנעלע בורזשואַזע פּאַרטייען אין וואַרשע טאָרן נישט פאָרקומען". דערמיט איז געשטעלט געוואָרן דער טראָפּ אויף דעם וואַלקאַמף, נישט אויף זײַנע רעזולטאַטן. נאָר אַפילו די רסדאַ"פּ — באָלשעוויקעס, נעמענדיק אָנטייל אין די וואַלן, זענען געגאַנגען נישט זיכער („אַזוי ווי מיר זענען זיכער דאָס די טאַקטיק פון באָיקאָט צו דער ערשטער דומע איז געווען אַ ריכטיקע, זענען מיר נישט זיכער, צו די טאַקטיק פון נישט־באָיקאָט צו דער צווייטער דומע, איצט, איז נישט קיין טעות" — וויעסטניק זשיזני נ' 13). בײַ אַזאַ לאַגע האָבן די שרעקלעכע רעפּרעסיעס ספּעציעל אויף ייִדישע אַרבעטער געווירקט אויף אונדז אַז מיר זענען כמעט אומעטום אין פּוילן געווען פאַרן באָיקאָט — און מיר האָבן טאַקע נישט גענומען קיין אָנטייל אין די וואַלן.

צו דער צײַט האָט מען זיך אָנגעהויבן גרייטן צום 2טן צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרטיי, וואָס איז ענדלעך פאָרגעקומען זומערצײַט אין קראָקע (יולי 1907). די וואַלן צום צוזאַמענפאָר זענען געווען דירעקטע, אין אַלע פאַכגרופּעס דורך ספּעציעלע סעקרעטניקעס וואָס זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן דורכן וואַרשעווער קאָמיטעט. איך געדענק גענוי אַז אין וואַרשע האָט די גרעסטע צאָל שטימען באַקומען יצחק טאַבענקין. ווער איז געווען דער צווייטער — געדענק איך נישט, אָבער געוויילט זענען געוואָרן צוויי דעלעגאַטן און צוויי קאַנדידאַטן: יצחק ט., בן־ציון, ישעיהו (אפרים כלומענפעלד), און איך — צוויי פון אונדז האָבן באַקומען מאַנדאַטן פון אַנדערע שטעט — זענען מיר אַלע פיר געווען אין קראָקע.

דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען בײַ אַ געהויבענער שטימונג, ווײַל די עסטרײַכישע חברים האָבן אונדז אויפגענומען מיט גרויס פּאָמפּע. אויך האָבן מיר זיך געפילט זייער גוט — דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר זענען געווען זיכער אַז מיר וועלן דערפירן די אַרבעט ביז צום סוף. אויפן צוזאַמענפאָר זענען אַרומגערעדט געוואָרן אַ סך טעאָרעטישע פראַגעס — צווישן זיי אויך די באַגרינדונג פון פּאַלעסטיניזם. דאָ איז פאָרגעקומען די ענדגילטיקע שלאַכט צווישן די פּרינציפּיעלע און פּראַקטישע פּאַלעסטינצעס. דעם רעפעראַט וועגן פּרינציפּיעלן פּאַלעסטיניזם האָבן די פּוילישע

חברים איבערגעגעבן מיר — נאָך מיר איז אַרויס באָראָכאָוו און האָט פאַרשטייט זיך, מיט זײַן גרויסער ערודיציע געמאַכט פון אונדזער באַגרינדונג אַש און בלאָטע — ער האָט עס אָבער געמאַכט אויף אַ וויסנשאַפטלעכן שטייגער, און הגם אונדז האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן, אָבער מיר האָבן געשוויגן. (דאָס האָט, אגב, נישט געשטערט באָראָכאָוון אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון דער רוסישער פאַרטיי מיט 10 יאָר שפעטער, ווען ער איז געקומען פון אַמעריקע, אין אויגוסט 1917 אין קיִעוו, צו פאַרטיידיקן דווקא דעם אידעאָלאָגישן מאָמענט אין פאַלעסטיניזם און כמעט זיך דערנענטערן צו אונדזער אַלטער שטעלונג). נאָך באָראָכאָוון איז אַרויסגעטרעטן דער ח' כאַשין, וועלכער האָט שוין אָפערירט מיט אַ סך וויניקער טעאָרעטישע אַרגומענטן אָבער מיט אַ סך פאָלעמישן גלאַנץ. זײַן שאַרפער פאָלעמישער טאָן האָט אונדז אַזוי אויפגערעגט אַז אַלס צייכן פון פראָטעסט האָבן מיר באַשלאָסן זיך נישט צו באַטייליקן ווײַטער אין דער דיסקוסיע.

ס'איז געווען ערב דעם 8טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַאַג. מיר האָבן דעמאָלט געהאַט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אַ פולשטענדיקע אויטאָנאָמיע, געדאַרפט בלויז אָפצאָלן פאַר אַ געוויסן סכום שקלים, און לויט דעם חשבון פון די אײַנגעצאָלטע שקלים געהאַט אַ באַשטימטע צאָל דעלעגאַטן צום קאָנגרעס. היות ווי דער צ"ק האָט דעמאָלט אָפגעצאָלט פאַר 800 שקלים, האָבן מיר געדאַרפט פיר דעלעגאַטן. אויסגעקליבן זענען געוואָרן: באָראָכאָוו, כאַשין, בערלינרויט (אַרסקי) און איך. צום קאָנגרעס איז געפאָרן אַלס גאַסט אויך דער ח' י. זאַר, מיט וועלכן מיר, די פוילישע, האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַקאַנט אויף אונדזער פאַרטייצוזאַמענפאָר. מיר האָבן שוין דעם ח' זאַר געקענט פון זײַנע אַרטיקלען אין „יעווריעיסקאַיאַ זשיזן", וועלכע האָבן געמאַכט אויף אונדז זייער אַ גוטן אײַנדרוק מיט דער גרויסער ערודיציע און אָפט גאַנץ טיפע געדאַנקען.

ער איז דאָן אײַנגעלאַדן געוואָרן פון די אַמעריקאַנער חברים צו רעדאַגירן דעם באַנײַטן „ייִדישן קעמפער", פון דעמאָלט אָן איז ער געבליבן אין אַמעריקע, וווּ ער איז עד היום בײַ די רעכטע.

דער 8טער ציוניסטישער קאָנגרעס איז אייגנטלעך געווען דער ערשטער אויף וועלכן די פועלי־ציון פון רוסלאַנד זענען געקומען אָרגאַניזירט אַלס פאַרטיי. דאָס איז אָבער אויך געווען דער לעצטער קאָנגרעס אין וועלכן די פועלי־ציון פון רוסלאַנד האָבן אָנטייל גענומען. צום קאָנגרעס זענען אויך געקומען פועלי־ציון פון אַנדערע לענדער: פון פאַלעסטינע — די חברים: אבנר (בן־צבי) און ישראל שוחט — דעמאָלט נאָך גאָר אַ יונגער בחור מיט אַ הייסן רעוואָלוציאָנערן טעמפעראַמענט וועלכן ער האָט נאָך נישט אין גאַנצן פאַרלוירן ביז הײַנט, ווען ער איז אין די רייען פון אחדות־העבודה, ווו ער בילדעט אַ שטילע אָפאָזיציע; פון אַמעריקע — די חברים: ד"ר קאָפעלאָוויטש, אַפעלבוים, יאַקאָבסאָן און, דאַכט זיך, נאָך צוויי חברים: פון עסטרײַך — קאַפלאַנסקי, שוסהיים (אַנדערע געדענק איך נישט.) געווען אויך חברים פון רומעניע, דאַכט זיך ד"ר גאָלדהאַמער, און, אויב איך האָב נישט קיין טעות, אויך פון בולגאַריע, ווו ס'איז אַ ביסל שפעטער רעגלמעסיק אַרויסגעגאַנגען אַ פ"צ־אָרגאַן „פראָבודאַ".

אונדזער ראָלע אויף דעם קאָנגרעס איז געווען באמת אַ קלעגלעכע. אונדזערע אומגליקן האָבן זיך אָנגעהויבן דערפון וואָס מיר האָבן באַקומען די ערגסטע פלעצער — אין גרויסן לאַנגן זאַל האָבן מיר באַקומען כמעט די לעצטע פלעצער — מיר האָבן פאַקטיש גאָרנישט נישט געזען און גאָרנישט געהערט. ווען מען נעמט אין אַכט אַז אויף די ערשטע קאָנגרעסן האָט מען זייער פיל גערעדט ענגליש, פראַנצויזיש — וועגן דײַטש איז שוין אָפגערעדט — (אויף ייִדיש און העברעיִש האָט מען גערעדט גאַנץ זעלטן) און מיר האָבן דווקא די ערשטע צוויי שפראַכן גאָרנישט נישט געקענט און דײַטש — ווי אַלע ייִדן, איז פאַרשטענדלעך אַז מיר האָבן אייגנטלעך נישט געוווּסט אויף וואָסער וועלט מיר זענען.

והשנית, אַז ס'איז געקומען צום באַריכט פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, וועלכן מען האָט צעטיילט אַלע דעלעגאַטן, האָבן מיר געמוזט אַרויסשטעלן אַ רעדנער. דער גורל איז געפאַלן אויף כאַשינען. דאָס אומגליק איז אָבער געווען וואָס אַרבעטנדיק די גאַנצע צײַט בײַ אומלעגאַלע באַדינגונגען אין רוסלאַנד זענען מיר אַבסאָלוט נישט געווען געוווינט צו עפנטלעכע „פאַרלאַמענטאַרישע" אַרויסטרעטונגען און דעריבער נישט איין מאָל אַרײַנגעפאַלן ווי אַ יוון אין אַ סוכה.

כאַשין האָט זיך געבעטן, מ'זאָל אים באַפרײַען פון דער רעדע, ווײַל, האָט ער געטענהט, ער ווייסט נישט וואָס צו זאָגן. מיר האָבן זיך אויך אייגנטלעך זייער שוואַך אָריענטירט אין דער טעטיקייט פון אַקציאָנס־קאָמיטעט, און האָבן נאָר אַלס משל אָנגעוויזן כאַשינען אַז אָט האָט דער אַקציאָנס־קאָמיטעט אויף אַ מצבה פאַרן ד"ר קאָקעש (אַ מיטגליד פון אַקציאָנס־קאָמיטעט) אויסגעגעבן דרײַטויזנט פראַנק, בשעת פאַר דער אַרבעט אין פאַלעסטינע כמעט נאָר די העלפט. כאַשין האָט זיך דערפרייט מיט דעם דאָזיקן מאַטעריאַל, ער האָט אָבער אָט די שטעל אין זײַן רעדע געמאַכט גאַנץ אומגעלונגען און ס'איז אויסגעקומען אַז ער האָט טענות הלמאי מען האָט געשטעלט אַ מצבה עפעס אַ קאָקעשן וועגן וועלכן מיר האָבן באמת גאַנץ וויניק געוווּסט. דאָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ אויפרעגונג צווישן ציוניסטישן עולם אַז מען האָט כאַשינען שוין נישט געלאָזט רעדן.

אין סך־הכל האָבן מיר כמעט אַלע אָנגעהויבן פילן אַז מיר זענען דאָ אויף אַ פרעמדער חתונה, און בײַ יעדן פון אונדז האָט אָנגעהויבן גריבלען דער געדאַנק אַז מיר מוזן רעווידירן אונדזער שטעלונג צום ציוניסטישן קאָנגרעס. מיר האָבן באַשײַמפערלעך זיך איבערצײַגט אַז נישט נאָר צוליב אונדזער קליינער צאָל האָבן מיר נישט געהאַט קיין שאַנסן צו האָבן השפעה אויפן קאָנגרעס. פון דער באַציִונג צו אונדז האָבן מיר זיך איבערצייגט אַז מען דאַרף אונדז אויפן קאָנגרעס נאָר אַלס דעקאָראַציע, ווײַל דער גאַנצער קאָנגרעס איז געווען מער נישט ווי אַ שיינע דעמאָנסטראַציע. אַלץ פלעגט אָפגעטון ווערן הינטער די קוליסן נאָך פאַרן קאָנגרעס, און, פאַרשטייט זיך, אַז צוליב אַזאַ דעקאָראַציע ווי מיר זענען געווען וועט דאָס ציוניסטישע בירגערטום קיין סך נישט מקריב זײַן. פאָרנדיק צוריק האָבן מיר שוין צווישן זיך גערעדט אַז אויפן נאָענטן צוזאַמענפאָר אָדער קאָנפערענץ וועט מען מוזן ענדערן די שטעלונג צום קאָנגרעס (כידוע האָט די רוסישע פאַרטיי אויף דער נאָענטסטער קאָנפערענץ אין קראָקע 1909 טאַקע באַשלאָסן מער נישט צו נעמען קיין אָנטייל אין די ציוניסטישע קאָנגרעסן).

איין קאָמישער עפיזאָד איז מיר געבליבן אין זכרון. אונדזערע פאַלעסטינער דעלעגאַטן — די חברים בן־צבי און שוחט — זענען געקומען צום קאָנגרעס מיט די לעצטע גראָשנס און נישט געהאַט מיט וואָס אַוועקצופאָרן. מיר האָבן מיט דער הילף פון אונדזערע אויסלענדישע חברים געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען צו געפינען פאַר זיי די נייטיקע מיטלען. אָבער בײַ זיי ביידן איז אַנטשטאַנען אַ געניאַלער געדאַנק אַז זיי קאָנען נאָך דערפון מאַכן אַ גוט געשעפט. אָנשטאָט אויסצוגעבן די פאָר הונדערט פראַנק אויף שיפסקאַרטן און באַנגעלט וועלן זיי בעסער קויפן צוויי וועלאָסיפעדן, אויף וועלכע זיי וועלן אַוועקפאָרן מיט דער יבשה דורך קאָנסטאַנטינאָפאָל און קליין־אַזיע גלײַך קיין פאַלעסטינע. אַזוי אַרום וועלן זיי קומען אַהיים און דערבײַ בלײַבן בײַ די וועלאָסיפעדן. אונדזערע „פראַקטישע" חברים איז גאָר אין קאָפ נישט אײַנגעפאַלן אַז פאַר דער צײַט פון דער נסיעה וועלן זיי דאַרפן אויפעסן אַ סך מער ווי די וועלאָסיפעדן וואָלטן געקאָסט. זיי האָבן אָבער גאַנץ ערנסט פאַרטיידיקט זייער פלאַן און זענען געווען באַליידיקט אויף אונדז וואָס מיר האָבן זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן פון לאַכן הערנדיק זייערע פלענער.

אַרויסגענומען פון דעם „ייִדישער אַרבעטער
פנקס" (אַ ביסל פאַרקירצט) פאַרלאַג „נײַע
קולטור" וואַרשע 1920.

ג. סלאָנימסקי

אַטנטאַט אויפן גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן

אין מלאָצינער וועלדל

אויף די ראָגעס פון די גאַסן שטייען סאָלדאַטן מיט אויפגעשפּיצטע שפּיזן אין די ביקסן, כמעט יעדער פאַרבײַגייער ווערט רעווידירט, די ביקסן־קאָלבעס לאָזן זיך יעדע ווײַל אַראָפּ מיט אַ האַרטן קנאַק אויף די פּלייצעס פון די רעווידירטע. די תּפיסות און די אַרעסט־קאַמערן בײַ די קאָמיסאַריאַטן זענען פול מיט אַרעסטירטע. מ'שלאָגט און מען פּײַניקט, תּליות שטייען גרייט, דער טויט שוועבט איבערן קאָפּ פון הונדערטער רעוואָלוציאָנערן. פּלאַקאַטן איבער די גאַסן מעלדן: ס'איז אויסנאַם־צושטאַנד, דאָס לעבן פון די בירגער איז הפקר, איבערגעענטפערט אין די הענט פון פּאָליציי און סאָלדאַטן!

ס'איז דאָס יאָר 1906.

דער הויפּט־תּלין וווינט אין בעלוועדער. דאָס איז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר איבער פּוילן — סקאַלאָן. ער האָט באַקומען ברייטע פולמאַכטן און ער נוצט זיי אויס אויף אַן אכזריותדיקן אופן. ער באַפעלט — און מ'הענגט, מען פּײַניקט, מען שלאָגט טויזנטער און טויזנטער פרײַהייטס־קעמפערס און אַרבעטער־טוערס, מיט שוידער און צאָרן דערמאָנט מען זײַן נאָמען. דאָס בלוט און די לײַדן פון די פאַרפּײַניקטע אין די תּפיסות מאָנט נקמה. יעדן בירגער וועלכן ס'קומט אויס פאַרבײַצוגיין דעם בעלוועדער־פּאַלאַץ וווּ דער תּלין האָט זײַן רעזידענץ, ווו עס שרײַבט אונטער טויטאורטײַלן דער גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן — וואַרפט אַהין אַ קללה פון האַס און צאָרן, דראָט מיט אַ באַהאַלטענער פויסט. דאָס געפיל פון נקמה זידט און קאָכט אין די נשמות פון געפּײַניקטע אַרעסטאַנטן, אין די הערצער פון אַלע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן פון לאַנד:

— ווען וועט זיך אויפהייבן די האַנט אויפן תּלין סקאַלאָן? ווען וועט קומען די שעה פון נקמה?...

אין מלאָטשינער וועלדל הינטער וואַרשע. אַ שיינער זומערטאָג פון יולי 1906. עטלעכע אַרבעטער זיצן אויפן גראָז. אין פאַרשידענע פּונקטן פון וואַלד שטייען נאָך אַרבעטער. זיי גיבן אַכטונג — טאָמער דערנענטערט זיך פּאָליציי, טאָמער באַווײַזט זיך אַ שפּיאָן. די דאָזיקע גרופּע איז אַהערגעקומען אויף אַ געהיימער באַראַטונג. ביז איצט פלעגט מען די זיצונגען אײַנאָרדענען אין אַ שטוב. אָבער אַלע וווינונגען זענען דורכגעפאַלן. די פּראָוואָקאַטאָרן האָבן אַ סך קאָנספּיראַטיווע דירות אויסגעגעבן. מ'האָט זיך דעריבער געמוזט פאַרזאַמלען אין וואַלד. כדי צו מאַסקירן דעם אמתן צוועק פון דעם דאָזיקן צוזאַמענקונפט האָט מען מיטגעבראַכט מיט זיך ברויט, וווּרשט, בראָנפן און פרוכטן. מ'האָט זיך אויסגעטון די מאַרינאַרקעס, אויסגעצויגן זיך אויפן גראָז, און אַזוי אַרום געפירט די זיצונג. פון דעסט וועגן האָט מען אָוועקגעשטעלט היטער. נישט קוקנדיק אויף אַלעם קאָן פּאָליציי אַרעסטירן. ס'קאָנען אַרויסקומען נישט קיין אָנגענעמע געשיכטעס. אַ סך פון די אָנוועזנדיקע האָבן דאָך בײַ זיך געווער, זענען פאַרצייכנט אין דער „אָכראַנקע".

— נו, ברונאָן, געפעלט דיר דער דאָזיקער פּלאַץ — האָט זיך איינער פון די אָנוועזנדיקע געווענדט צו אַ מאַן פון אַ יאָר דרײַסיק, מיט אַ מאַט־געלבלעך געזיכט, קליינע, שאַרפע אויגן און טיפע קנייטשן אויפן שטערן, נישט געקוקט אויף זײַנע דרײַסיק יאָר. זײַן געזיכט איז געווען ערנסט און גלײַכצײַטיק האָט געאָטעמט דערפון מיט האַרציקייט און מילדקייט.

— איך בין נישט מסכּים מיט דעם פּלאַן, — האָט ברונאָן געענטפערט, — ווײַל ער איז כמעט נישט אויספירבאַר. וואַרפן אויף סקאַלאָנען אַ באָמבע אויף דער גאַס איז אַן אוממעגלעכע זאַך. איר ווייסט דאָך אַז דער דאָזיקער תּלין פון בעלוועדער באַווײַזט זיך זעלטן אויף דער ליכטשײַן. דער שטשור קריכט כמעט קיין מאָל נישט אַרויס פון זײַן לאָך. ער ווייסט, אַז די האַנט פון נקמה לויערט אויף אים. פאָרט ער שוין יאָ אַ מאָל אַרויס פון בעלוועדער — ווייסטו קיין מאָל נישט ווען, מ'זאָגט קיין מאָל פריִער נישט אָן. און חוץ דעם ווערט זײַן קאַרעטע אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטער קייט פון טשערקעסן. מילא פון שפּיצלעס און געהיים־אַגענטן איז דאָך אָפּגערעדט. אַ גאַנצע סטאַדע שפּיאָנען גיט זיך אַ לאָז אַרויס אויף די גאַסן איבער וועלכע סקאַלאָן פאָרט דורך. וואַרפן אַ באָמבע בײַ אַזעלכע באַדינגונגען איז אַן אַרויסגעוואָרפענע טרחה און וועט ברענגען בלויז שאָדן אונדזער זאַך.

— דאַרפן מיר, הייסט עס, דעם דאָזיקן תּלין ווײַטער לאָזן לעבן? — האָט אַן אויפגערעגטער זיך אָנגערופן אַ יונגער אַרבעטער און זײַנע אויגן האָבן העליש אויפגעבליצט, — טויזנטער פאָדערן זײַן קאָפּ! ער טאָר נישט ווײַטער לעבן, ווײַל זײַן לעבן קאָסט אונדזער אַלעמענס לעבן. חברים, יעדער איינער פון אונדז וועט נעמען אַ באָמבע, מיר וועלן וואַרטן איין טאָג, צוויי טעג, צען טעג — און פּאַקן מוזן מיר דעם הונט! וועט נישט טרעפן איין באָמבע, וועט אים טרעפן די צווייטע. מיר, יונגע קעמפערס, זענען גרייט אויף קרבנות!

— נו, חבר, אײַער באַגײַסטערונג געפעלט מיר, — האָט געענטפערט ברונאָן און אַ לײַכטער שמייכל האָט באַדעקט זײַן געזיכט, — אַזעלכע ווי איר זענט זענען העלדישע סאָלדאַטן פון קאַמף, אָבער דער דאָזיקער קאַמף, מײַן פרײַנד מוז געפירט ווערן מיט אַ פּלאַן, אויסגערעכנט. אַלץ, יעדע מינדסטע קלייניקייט, דאַרף ווערן געוואויגן און געמאָסטן, יעדער קאַמף דאַרף קודם כּל האָבן זײַן סטראַטעגיע, אַנדערש וועלן מיר אים פאַרשפּילן.

— נו, גענוג מיט סטראַטעגיע, ברונאָן, — האָט זיך אָנגערופן דער פאָרזיצער פון דער געהיימער באַראַטונג — אויב דו האָסט אַ פּלאַן, לייג אים פאָר, מיר אַלס דער עקזעקוטיוו פון דער וואַרשעווער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, האָבן דאָס רעכט אים אָנצונעמען אָדער אָפּוואַרפן.

ברונאָן האָט אַ רגע געשוויגן, ווי ער וואָלט זיך געוואַקלט צו זאָגן דאָס וואָס ער האָט געהאַט בדעה צו זאָגן, דערנאָך האָט ער דערקלערט מיט אַן ערנסטער שטים:

— די גענויע פּרטים פון מײַן פּלאַן האָב איך נאָך נישט אויסגעאַרבעט, ווײַל דערצו זענען מיר נייטיק געווען עטלעכע חברים וואָס האָבן געדאַרפט אויספאָרשן אַ סך זאַכן וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן פּלאַן. אָבער דער עיקר קאָן איך אײַך שוין איבערגעבן. איך האָב אַ מיטל ווי אַזוי סקאַלאָנען אַרויסצונאַרן פון בעלוועדער און מיר זאָלן וויסן גענוי אויף וועלכער גאַס ער וועט דורכפאָרן.

— אַ מיטל ווי אַזוי אים אַרויסצונאַרן פון זײַן באַהעלטעניש? — האָבן עטלעכע זיך געוווּנדערט, — אַדרבא, ווי אַזוי? אַ קשיא צי ער וועט זיך אָבער לאָזן אַרויסנאַרן! דער דאָזיקער הונט האָט אַ גוטן חוש, ער שפּירט די געפאַר.

— אונדזער אויפגאַבע דאַרף טאַקע באַשטיין דערין, — האָט ברונאָן דערקלערט מיט אַ געהיימנישפולן שמייכל — אַז סקאַלאָן זאָל מוזן אַרויספאָרן פון בעלוועדער, זאָל מוזן פאָרן אויף אַ באַשטימטער גאַס, אויף אַ גאַס ווּ מיר ווילן, און דאָרטן וועט שוין זײַן צוגעגרייט פאַר אים דאָס שטײַגל אין וועלכן דער שטשור וועט מוזן אַרײַנפאַלן.

— ווי אַזוי שטעלסטו זיך דאָס פאָר? — האָט געפרעגט דער פאָרזיצער — מיט וועלכע מיטלען קאָנען מיר צווינגען סקאַלאָנען צו פאָרן אויף אַ באַשטימטער גאַס? צי וועט ער זיך נישט כאַפּן אַז דאָס גרייט מען פאַר אים אַ נעץ? דאָס קלינגט אַ ביסל פאַנטאַסטיש, ברונאָן!

— כאַ־כאַ־כאַ, פאַנטאַסטיש גאָר? — האָט זיך ברונאָן צעלאַכט, אָבער באַלד איז זײַן געזיכט ווידער געוואָרן ערנסט. — דער ענין איז זייער פּשוט, מען דאַרף נאָר האָבן דערצו פּעיִקע מענטשן. הערט, חברים, די זאַך שטעלט זיך פאָר אַזוי: מיר אינסצעניזירן אַ סצענע בעת וועלכער עס זאָל פּיזיש באַליידיקט ווערן אַ פאָרשטייער פון אַן אויסלענדישער מלוכה, לאָמיר זאָגן אַ פאָרשטייער פון דײַטשלאַנד. לויט די אָנגענומענע מנהגים וועט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר דעם דאָזיקן פאָרשטייער מוזן איבערבעטן, סקאַלאָן וועט זיכער באַקומען אַזאַ באַפעל פון פּעטערבורג. ער וועט דאָך מוזן דעם באַליידיקטן אויסדריקן זײַן באַדויערן איבער דעם געשעענעם פאַרפאַל.

— אָבער איך פאַרשטיי דיך נישט גענוי, — האָט דער פאָרזיצער געהויבן מיט די אַקסלען, — ווי אַזוי וועלן מיר באַליידיקן אַן אויסלענדישן פאָרשטייער און סקאַלאָן זאָל אים דאַרפן אויסדריקן באַדויערן? מ׳וועט אַזעלכן וואָס וועט באַליידיקן דעם אויסלענדישן פאָרשטייער פּשוט אַרעסטירן און — דערליידיקט.

— באַליידיקן דאַרף אים אַ רוסישער אָפיציר... — האָט ברונאָן געענטפערט מיט אַ לײַכטן שמייכל.

— אַ רוסישער אָפיציר? — האָבן זיך אַלע געוווּנדערט, — ווי אַזוי וועלן מיר צווינגען אַ רוסישן אָפיציר, ער זאָל, לאָמיר זאָגן, אַראָפּלאָזן אַ פּאַטש דעם דײַטשן קאָנסול? דאָס איז דאָך אַן אויסגעשלאָסענע זאַך.

— אָבער ווער זאָגט עס אײַך, חברים, אַז דאָס דאַרף זײַן אַן אמתער רוסישער אָפיציר? צי קען עס נישט זײַן אַן אַרבעטער פון אַ וואָליער פאַבריק? ער דאַרף נאָר טראָגן אַן אָפיצירישן מונדיר און קאָנען גוט שפּילן די ראָל.

— אַהאַ, אַזוי מיינסטו? — האָט דער פאָרזיצער זיך געכאַפּט.

— דאָס איז טאַקע אַן אײַנפאַל, — האָבן אַלע באַשטעטיקט.

— גיט מיר צוויי וואָכן צײַט און איך דערליידיק דעם גאַנצן ענין, — האָט ברונאָן דערקלערט מיט אַ פעסטער שטים, — איך וועל ווערבירן די געהעריקע מענטשן און מיט זייער הילף וועט אַלץ אַדורכגעפירט ווערן גענוי און פּינקטלעך. זענט איר מסכים מיט מײַן פּלאַן?

— דײַן פּלאַן איז נאָך פאַר אונדז פאַרנעפּלט, — האָט דער פאָרזיצער דערקלערט, — דו מוזט אונדז אָנגעבן אַלע פּרטים. דאַן וועט אים דער עקזעקוטיוו באַשטעטיקן.

— מ׳מוז שוין אָנהייבן צו טון, מען טאָר נישט לענגער וואַרטן, — האָט ברונאָן געענטפערט און זײַן שטערן האָט זיך נאָך מער באַדעקט מיט קנייטשן. — מײַן פּלאַן איז נישט פאַרנעפּלט, מײַן פּלאַן איז אַ קלאָרער. חברים: מיר באַליידיקן דעם דײַטשן קאָנסול, — איך האַלט אַז די באַליידיקונג דאַרף פאָרקומען מיט דעם פאָרשטייער פון אַ מלוכה וואָס איז זייער פּילבאַר אויף איר שטאָלץ און וועט פאָדערן אַ מאַראַלישע סאַטיספאַקציע, — דערנאָך דאַרף מען דינגען אַ דירה אין פראָנט פון דער זעלבער גאַס ווּ ס׳וווינט דער דײַטשישער קאָנסול. ווען דער גענעראַל־גובערנאַטאָר וועט קומען איבערבעטן דעם קאָנסול, דאַרפן מיר סקאַלאָנען באַגעגענען פון די פענצטער אַרויס מיט עטלעכע באָמבעס.

— דאָס איז טאַקע אַ פּלאַן, — האָבן די אָנוועזנדיקע מסכים געווען, — אָבער, ברודערקע, נישט אַזוי לײַכט וועט מען אים דורכפירן. דאָס איז אַ שווער שטיקל „אַרבעט".

— און איך נעם זיך אונטער אַלץ דורכצופירן — האָט ברונאָן געענטפערט, — איך דאַרף האָבן אין מײַן רשות אַ געוויסע סומע געלט, עטלעכע באָמבעס פון אַ שטאַרקער אויפרײַסקראַפט, מער נישט. דעם אויסוואַל פון מענטשן, וועלכע זאָלן אויספירן מײַנע אָנווײַזונגען, וועל איך אַליין מאַכן. איר דאַרפט דאָך וויסן, חברים, אַז דערצו זענען נייטיק מענטשן מיט אײַזערנע נערוון און שנעלער אָריענטאַציע, דער עיקר...

ברונאָן האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ. אַלע אָנוועזנדיקע האָבן זיך בליץ שנעל געגעבן אַ ריס פון די ערטער. איינער פון די היטערס האָט פון דער ווײַטנס געזען פאַרצווייפלטע צייכנס און תיכף גענומען לויפן צו דעם אָרט ווּ ס׳איז פאָרגעקומען די באַראַטונג. ער איז צוגעקומען אַ פאַרסאָפּעטער און קוים געקאָנט רעדן:

— חברים, אַנטלויפט שנעל אין דער ריכטונג צו דער ווײַסל, — האָט ער געמאָלדן, — אויפן שאָסיי האָט זיך באַוויזן אַ מיליטערישער פּאַטרול. ער גייט גלײַך אין וואַלד אַרײַן. איך גלייב אַז ביז דער ווײַסל וועט ער נישט צוגיין, אויב יאָ — איז שלעכט. קיין אַנדער וועג צו אַנטלויפן — איז נישטאָ!

די גאַנצע גרופּע טעראָריסטן האָט שנעל צונויפגענומען דאָס עסן און אַלע פּאַפּירלעך, צײַטונגען און רעשטלעך וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפן גראָז, כדי נישט איבערצולאָזן נאָך זיך קיין שום צייכן און זענען שנעל, מיט אײַליקע טריט, אַוועק אין דער ריכטונג פון דער ווײַסל.

אין דער ראָל פון אַ צאַרישן אָפיציר.

ברונאָן (זײַן אמתר נאָמען איז געווען מיעטשיסלאַוו מאָנקאָווסקי) איז געווען אַן אַלטער קעמפער און אַן אָנגעזעענער מיטגליד אין דער אַמאָליקער פּפּ״ס די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט, אויסהערנדיק ברונאָנס פּלאַן, אײַנגעשטימט אַז דער דאָזיקער אויסגעפּרוּווטער רעוואָלוציאָנער זאָל איבערנעמען די גאַנצע אָנפירונג מיטן געפּלאַנטן אַטענטאַט אויף סקאַלאָנען. ברונאָן האָט זיך אָפּגעגעבן אַ גענויען דין־וחשבון וועגן די שוועריקייטן וואָס זענען פאַרבונדן מיטן אויספירן דעם דאָזיקן פּלאַן, אָבער ער האָט געוווּסט אַז קיין אַנדער ברירה איז נישטאָ. נאָר אויף אַזאַ אופן וועט מען קאָנען אַרויסנאַרן דעם חברה־מאַן פון זײַן באַהעלטעניש און זיך מיט אים אָפּרעכענען. סקאַלאָן האָט געמוזט אומקומען, דאָס האָבן געפאָדערט די טויזנטער רעוואָלוציאָנערן וואָס ער האָט געלאָזט פּײַניקן אין די תפיסות, דאָס האָבן געפאָדערט אַלע אונטערדריקטע, פאַרפאָלגטע בירגער פון לאַנד. מ׳האָט געמוזט אָנהייבן דורכצופירן דעם שווערן פּלאַן, הגם אויפן וועג זענען געשטאַנען אַ סך שטרויכלונגען. וואָס וועט זײַן אַז מ׳וועט דעם איבערגעטוענעם אָפיציר אַרעסטירן? דעמאָלט וועט דאָך אַלץ ווערן אויפגעדעקט און דער גאַנצער פּלאַן וועט צעשטערט ווערן! און טאָמער וועט סקאַלאָן מורא האָבן און וועט דעם באַליידיקטן קאָנסול נישט באַזוכן, באַנוגענענדיק זיך נאָר מיט צושיקן אים אַן אָפיציעלן בריוו? ס׳איז דאָך נישט אויסגעשלאָסן אַז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר זאָל בלײַבן אין בעלוועדער און שיקן זײַן פאָרטרעטער אויסדריקן באַדויערונג דעם דײַטשן קאָנסול.

אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע ספקות, האָט ברונאָן אָנגעהויבן צו פאַרווירקלעכן זײַן פּלאַן.

צווישן די מיטגלידער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט זיך געפונען אַן אַרבעטער וועלכער האָט געהאַט אַלע אייגנשאַפטן און פּעיִקייטן כדי צו שפּילן די ראָלע פון אַ חובפּהדיקן וואָילערישן צאַרישן אָפיציר. דער דאָזיקער אַרבעטער איז געווען אַ הויכער, אַ מאַסיוו־געבויטער, מיט אַ פעסטן טריט. ער האָט גערעדט אַ גוטן רוסיש און פאַרמאָגט אַקטיאָרישע פּעיִקייטן. ברונאָן האָט דעם דאָזיקן אַרבעטער אויסגעוויילט פאַר דער ראָלע פון דעם אָפיציר וואָס האָט געדאַרפט פּיזיש באַליידיקן דעם דײַטשן קאָנסול.

— ברונאָן האָט אײַנגעלאַדן דעם אַרבעטער צו זיך אין שטוב. דאָרטן איז שוין געווען צוגעגרייט אַ שינעל, אַ היטל, און שטיוול פון אַ רוסישן אָפיציר. ברונאָן האָט גענומען אײַנרעפּעטירן מיטן אַרבעטער די ראָל:

— איר וועט דאַרפן האָבן צו טון מיטן וויצעקאָנסול, דעם באַראָן לערכענפעלד. גראַד איז דער קאָנסול גופא אָפגעפאָרן אויף אורלויב, און וואַרטן אויף זײַן צוריקקומען לוינט נישט. די באַליידיקונג פון וויצעקאָנסול וועט אויך שטאַרק אָנרירן די אַמביציע פון דײַטשן קייזער און ווילהעלם וועט פאָדערן אַן אָפיציעלע אַנטשולדיקונג. די ביוראָ פון דעם דײַטשן קאָנסול געפינט זיך אויף דער יאַסנע־גאַס. אַלע טאָג, אַרום 3 אַ זייגער נאָך מיטאָג, גייט דער וויצעקאָנסול אַרויס פון זײַן ביוראָ און גייט פון דאָרט גלײַך אין יעגערקלוב וועגן דעם בין איך אינפאָרמירט. איך וועל אײַך צוטיילן אַ חברטע, מיט וועלכער איר וועט שפאַצירן אויפן וועג ווו דער באַראָן לערכענפעלד גייט דורך. איר דאַרפט זיך שנעל געזעגענען מיט דער דאַמע, צוגיין רויִק צו לערכענפעלדן און אים אַראָפלאָזן צוויי פעטש, באַגלייט מיט אַ זידלוואָרט. איר טאָרט אָבער נאָך דעם נישט אַנטלויפן. ס'דאַרף הייסן אַז די צוויי פעטש האָט איר אים געגעבן צוליב פאָליטישע טעמים, מכלומרשט דערפאַר וואָס דײַטשלאַנד מישט זיך אין רוסלאַנדס אינערלעכע ענינים. איר פאַרשטייט? איך וועל שוין אַזוי אײַנאָרדענען אַז גראָד זאָל זיך צו יענער צײַט געפינען אַ דראָזשקע, איר דאַרפט באַלד אײַנשטייגן אין דער דראָזשקע. פאַרשטייט זיך אַז דער דראָזשקאַזש וועט זײַן איינער פון אונדזערע חברים און וועט אײַך באַלד אָפפירן אויף אַ זיכערן אָרט. נאָכן טאַט דאַרפט איר מיט רויִקע, שטאָלצע טריט צוגיין צו דער דראָזשקע און מכלומרשט נאָך אַלץ ווײַטער דראָען דעם באַראָן. אָבער געדענקט, חבר, צו האַלטן זיך שטאָלץ און מיט ווערדע, ווי עס פאַסט פאַר אַן אָפיציר. נו, שטייט נאָר גלײַך, הייבט נאָר אָן צו גיין, אָט אַזוי, זייער גוט, — איז ברונאָן געווען צופרידן פון דעם אַרבעטערס גלענצנדיקן שפילן די ראָל, — און איצט ווײַזט ווי אַזוי צו געבן „טשעסט". פאַרגעסט נישט אַז אויפן וועג קענט איר דאָך טרעפן זעלנער און אַנדערע אָפיצירן, מיט וועלכע איר וועט זיך דאַרפן באַגריסן אויפן מיליטערישן אופן.

אָ, איך קען דאָס אַלץ אויסגעצייכנט, חבר ברונאָן, — האָט דער אַרבעטער געענטפערט, — איך פאַרזיכער אײַך אַז אַפילו מײַן אייגענע מוטער וואָלט מיך נישט דערקענט, ווען זי וואָלט מיך געטראָפן אויף דער גאַס. איך וועל קלינגען מיט מײַנע שפאָרן אַז ס'וועט גיין אַ רויך! די גאַס וועט פאַר מיר דרך־ארץ האָבן, אַז מ'וועט מיר אָפטרעטן דעם וועג. זאָרגט אײַך נישט, איך וועל אָפשפילן מײַן ראָל אַזוי, אַז קיינעם וועט זיך נישט אַפילו חלומען אַז געפאַטשט דעם באַראָן לערכענפעלד האָט אַן אַרבעטער פון טעמלער און שווערדעם גאַרבערײַ . . .

— נו, איך פאַרלאָז זיך אויף אײַך, חבר, — האָט ברונאָן דערקלערט, — געדענקט אַז פון אײַך איז אַ סך אָפהענגיק און, אפשר, אַלץ! אַלזאָ, פון מאָרגן אָן זענט איר אַ רוסישער אָפיציר פון אַ פראָווינצער פאָלק, ווײַל די ראָל פון אַן אָפיציר פון אַ וואַרשעווער פאָלק טאָרט איר דאָך נישט שפילן. איר קענט גראַד אָנטרעפן אויפן וועג אָפיצירן פון וואַרשעווער גאַרניזאָן און איר וועט זיי דאָך זײַן אומבאַקאַנט. דאָס קאָן אַרויסרופן אַ חשד. די עפאָלעטן פון אײַער שינעל זענען דעריבער פון אַ פאָלק וואָס געפינט זיך אין קאַליש. איר דאַרפט דאָס געדענקען, טאָמער באַגעגנט אײַך אַ גענעראַל, אָדער אַ פאָלקאָווניק. איר פאַרשטייט?

די ראָל איז געוואָרן גענוי אײַנשטודירט. ברונאָן האָט זיך איבערצײַגט אַז ער קאָן זיך אויף דעם דאָזיקן אַרבעטער גענוי פאַרלאָזן. די ערשטע העלפט פון פלאַן איז שוין געווען צוגעגרייט. איצט האָט מען געדאַרפט צוגרייטן די צווייטע, וויכטיקסטע העלפט. מ'האָט געדאַרפט דינגען אַ דירה אויף דער גאַס ווו ס'וווינט דער וויצעקאָנסול און געפינען פעיִקע מענטשן וועלכע זאָלן, אין דעם מאָמענט ווען סקאַלאָן וועט אַדורכפאָרן, אַראָפוואַרפן דורכן פענצטער די באָמבעס.

ברונאָן האָט באַשלאָסן אַז די דאָזיקע „אַרבעט" זאָל דורכגעפירט ווערן דורך פרויען. נישט געקוקט דערויף וואָס אַ סך מיטגלידער פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך געריסן צו דער אַקציע פון אָפרוימען סקאַלאָנען, נישט געקוקט אויף די פראָטעסטן פון פאַרשידענע חברים אַז פרויען וועלן נישט פעיִק זײַן אויסצופירן דעם דאָזיקן געפערלעכן אַטענטאַט, נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, האָט ברונאָן באַשטימט עטלעכע פרויען וועלכע האָבן דאַן געדאַרפט דורכפירן דעם באָמבעס־אָנפאַל איבערן גענעראַל־גובערנאַטאָר.

האַרנאַ

אַ נײַנצניעריק מיידל מיט בלויע, שמייכלענדיקע אויגן און טונקל בלאָנדע האָר זיצט אויף אַ באַנק אין זאַקסישן גאָרטן און לייענט אַ בוך. איר נאָמען איז וואַנדאַ קרוכאַלסקאַ, זי איז נישט לאַנג אין וואַרשע, אָבער זי האָט שוין באַוויזן פאַר דער צײַט איבערצוטראָגן אין בוזעם געווער פון איין אָרט אויפן אַנדערן, לערנען זיך שיסן, אַוועקטראָגן אין אַ קוישל עטלעכע באָמבעס. זי האָט שוין באַוויזן צו נעמען אַ טעטיקן אָנטייל אין דער אַרבעט פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. הגם קיין אַטענטאַטן האָט זי נאָך ביז איצט נישט אויסגעפירט, האָט זי דאָך אַלע אַנדערע אָנפאַרטרויטע אַרבעטן דערליידיקט גלענצנדיק און געוויסנהאַפט. איר פאַרטיי־פסידאָנים איז געווען „האַרנאַ". זי איז געווען בײַ אַלעמען באַליבט, ווײַל זי האָט אַלע חברים און חברטעס פון דער פאַרטיי אָנגעשטעקט מיט רעוואָלוציאָנערער באַגײַסטערונג און יוגנטלעכער פרייד.

האַרנאַ האָט איצט אויף אימעצן געוואַרט. מ'האָט איר געגעבן צו וויסן אַז זי איז נייטיק צו אַ געוויסער „אַרבעט". און וואָס די דאָזיקע „אַרבעט" וועט באַשטיין האָט מען איר נישט געזאָגט. ס'האָט געדאַרפט קומען אַ חבר וועלכער האָט איר אַלץ געדאַרפט איבערגעבן. זי האָט געוואַרט מיט דער גרעסטער אומגעדולדיקייט, אָבער כדי נישט אַרויסצורופן וועלכן ס'איז פאַרדאַכט, האָט זי זיך מכלומרשט פאַרטיפט אין אַ בוך. אָבער זי האָט נישט געלייענט. דאָס האַרץ האָט איר געהאַמערט. זי איז געווען פול מיט שפאַנונג. האַרנאַ האָט פאָרגעפילט אַז מ'גרייט זיך איר איבערצוגעבן אַ גרעסערע „אַרבעט", און דאָס האָט זי שטאַרק דערפרייט. די געוויינלעכע, ריין טעכנישע אַרבעטן אין דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָבן זי נישט צופרידנגעשטעלט. זי האָט געבענקט און זיך געריסן צו אַ גרויסן טאַט. אָ, ווען מ'גיט איר איבער אויסצופירן אַן אַטענטאַט אויף דעם תלין וואָס הערשט אין בעלוועדער און פײַניקט אַזוי אכזריותדיק דאָס גאַנצע לאַנד! שוין לאַנג ווי בײַ איר אין קאָפ איז געבוירן געוואָרן אַ פלאַן צו דערהרגענען סקאַלאָנען; זי האָט דעם פלאַן געוואָלט דורכפירן צוזאַמען מיט איר קוזינע מאַראַ. ביידע מיידלעך האָבן איין מאָל, ליגנדיק צוזאַמען אויפן געלעגער אין אַ שטילער פרילינגסנאַכט, אָפגערעדט צווישן זיך אויסצופירן אַן אַטענטאַט אויף דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר. זיי האָבן באַשלאָסן דעם פלאַן דורכצופירן אויף אייגענער האַנט. ביידע מיידלעך האָבן זיך געזאָלט בײַ נאַכט אַרײַנגנבענען אין בעלוועדער־גאָרטן, באַהאַלטן זיך צווישן די קלאָמבעס בלומען, און בעת סקאַלאָן וועט מאַכן זײַן געוויינלעכן שפאַציר איבערן גאָרטן, שיסן צו אים פון צוויי רעוואָלווערן. האַרנאַ איז גרייט צו שטאַרבן, זי ווייסט אַז ראַטעווען זיך דערמאָלט, אַנטלויפן איז אַן אוממעגלעכע זאַך. די וואַך פון די דאָנער קאָזאַקן וואָלט די ביידע מיידלעך תיכף געכאַפט און וואָלט זיי געהאָנגען. אָבער האַרנאַ שרעקט זיך נישט דערפאַר, זי וויל נאָר איינס: סקאַלאָן זאָל אומקומען! שוין עטלעכע מאָל האָבן ביידע מיידלעך זיך געפרוּווט צוקריגן צום בעלוועדער, אָבער די גאַנצע געגנט אַרום דעם גאָרטן איז פול מיט שפיאָנען. מען טרײַבט, מען לאָזט זיך נישט אָפשטעלן. האַרנאַ וויל אָבער נישט רעזיגנירן פון איר פלאַן, זי וועט נאָך דעם נקמה־אַקט איבער סקאַלאָנען אויספירן! צי גרייט מען אפשר, איבערצוגעבן איר די דאָזיקע „אַרבעט"? אָ, מיט וואָס פאַר אַן אומגעדולדיקייט זי וואַרט שוין אויף דעם חבר. זאָל עס זײַן ברונאָן? אָט גייט ער דאָך, ער שמייכלט שוין צו איר פון דער ווײַטנס . . .

— חבר ברונאָן? — פרעגט זי איבער — איך וואַרט שוין אויף אײַך לאַנג.

ער רוימט איר שטיל אײַן:

חברטע האַרנאַ, אין גאָרטן דרייען זיך אַרום אַ סך שפיצלעס, לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען.

זי שטעלט זיך אויף, באַטראַכט אים מיט אַ וואַרעמען און פרעגנדיקן בליק. ער זאָגט צו איר: — עס טויג נישט אַז מיר זאָלן צוזאַמען אַרויסגיין פון גאָרטן. ס'קאָן פאַלן אַ פאַרדאַכט אויך אויף אײַך, ווײַל די שפיצלעס קענען מיך אַוודאי. איך גיי אויף וואָלסקע 3. איך דערוואַרט אײַך דאָרט אין אַ האַלבער שעה אַרום. קומט צו פאָרן מיטן טראַמווײַ. איך האָב אײַך איבערצוגעבן זייער אַ וויכטיקע „אַרבעט".

אָ, חבר ברונאָן! — האָט זי אויסגערופן און אין איר שטים איז געלעגן אַזוי פיל דאַנקבאַרקייט, אַזוי פיל באַגייַסטערונג, ווי זי וואָלט געוווסט אַז ער גרייט צו פאַר איר אַ גרויסע „אַרבעט", אַזאַ „אַרבעט" צו וועלכער זי רייַסט זיך שוין לאַנג. זי האָט אים פעסט געדריקט די האַנט און אירע בלויע אויגן האָבן געלויכטן ווי דער פרעכטיקער יולי־הימל.

ברונאָן איז שנעל אַוועק. דער זאַקסישער גאָרטן איז דאַן טאַקע פול געווען מיט שפיאָנען, וועלכע האָבן דורכגעשטאָכן מיט זייערע שפיזיקע בליקן אַלע פאַרבייַגייערס. אַ שפיאָן האָט ברונאָן באַגלייט ביזן אַרויסגאַנג. ברונאָן האָט דאָס דערפילט. ער איז דעריבער אַרויס אין דער זייַט פון דער קרולעווסקע, וווּ ס'איז אַ גרויסע באַוועגונג, אַרייַן אין דער מאַרשאַלקאָווסקע, און דאָרט זיך צונויפגעמישט מיטן געדיכטן עולם שפאַצירנדיקע. דער שפיאָן האָט אים תיכף פאַרלוירן פון אויג. דאַן האָט זיך ברונאָן אַרייַנגעזעצט אין אַ טראַמווייַ און אַוועקגעפאָרן אין דער קאָנספיראַטיווער דירה, אויף וואָלסקע 3. ווי נאָר ער איז אָנגעקומען און קוים באַוויזן צו פאַרמאַכן די טיר, האָבן זיך דערהערט עטלעכע לייַכטע קלעפ. ער האָט געעפנט. ס'איז געווען האַרנאַ. זי האָט שווער געאָטעמט פון שנעלן לויפן איבער די שטיגן, אָבער איר געזיכט האָט געשטראַלט.

אָ, ווי שנעל איר זענט געקומען! — האָט ברונאָן באַמערקט און זי געבעטן זיצן.

— שטעלט אייַך פאָר, — האָט זי דערקלערט, אָטעמענדיק שווער, — אַרויסגייענדיק פון גאָרטן האָב איך געפילט אויף זיך די באַקאַנטע כוליגאַנישע בליקן פון אַ שפיאָן. איך האָב פאַרשטאַנען אַז ער וועט מיך שוין נישט אָפלאָזן פון אויג און איך וועל צו אייַך נישט קאָנען אַהערקומען. זעענדיק ווי ער גייט נאָענט פון מיר און שטעכט מיך כסדר דורך מיט זייַן בליק, בין איך צוגעגאַנגען צו אים און בייז אַ זאָג געטון: „מייַן הער, איר האָט אַ טעות, איך בין נישט קיין גאַסנפרוי"... דער שפיאָן האָט מיר נישט געענטפערט און זיך מאָמענטאַל אָפגעטראָגן. איך האָב געכאַפט אַ דראָזשקע און בין שנעל געקומען צו אייַך.

— איר זענט דאָך אַן אמתע העלדין, — האָט ברונאָן אַ זאָג געטון אַ צופרידענער, — איר האָט דעם שפיצעל פאַרטריבן פון זיך אויף אַ געלונגענעם אופן, אַנדערש וואָלט ער זיך פון אייַך נישט אָפגעטשעפעט.

— חבר ברונאָן, לאָמיר איצט נישט רעדן וועגן שפיאָן, — האָט האַרנאַ האַסטיק גערעדט, — כאַפט אים דער טייַוול! איך וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויף דער נייַעס וואָס איר דאַרפט מיר זאָגן. איך ווייס אַז איר האָט פאַר מיר עפעס אַ וויכטיקע „אַרבעט". דערציילט מיר, איך בעט אייַך, אין וואָס האַנדלט זיך? איך בין געוואַלדיק אומגעדולדיק! — האָט זי זיך געבעטן.

— און איך האָב פאַר אייַך אַזאַ „אַרבעט", וווּ ס'איז קודם כל נייטיק געדולד און איר זענט שוין אומגעדולדיק! אָ, דאָס טויג נישט! — האָט ער געזאָגט האַלב ערנסט און האַלב אין שפאַס.

— נו, דערציילט, חבר ברונאָן, איר ווייסט דאָך אַז פרויען זענען זייער נייַגעריקע, — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל, — וואָס שייַך מייַן געדולד בעת אַן „אַרבעט", האָב איך עס שוין אויסגעפרווט. עס האַלט אויס! אַפילו וואָכן גאַנצע. אָבער איצט בין איך זייער נייַגעריק.

— אַלזאָ, — האָט ברונאָן אַ זאָג געטון און זי באַטראַכט כדי צו זען וואָס פאַר אַן אייַנדרוק זייַנע רייד וועלן אויף איר מאַכן, — איר וועט האָבן צו טון מיט סקאַלאָנען!

— מיט סקאַלאָנען? וואָס? — האָט זי געצאַפלט, — אָפרוימען אים?

— יאָ.

— אָ! ווי גליקלעך איך בין! — האָט זי אויסגערופן מיט אויסערגעוויינלעכער פרייד.

— פאַר וואָס זענט איר אַזוי גליקלעך? — האָט ער זיך געווונדערט.

זי האָט אים דערציילט וועגן אירע פלענער צו דערהרגענען סקאַלאָנען, וועגן איר כסדרדיקן טראַכטן ווי אַזוי אָפצורוימען דעם תלין פון בעלוועדער.

— ניין, חברטע האַרנאַ, — האָט ברונאָן געענטפערט — דער ענין איז נישט אַזוי איינפאַך ווי איר שטעלט זיך פאָר. איר האָט צו דערפילן אַ שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע, וווּ ס'איז נייטיק אַ סך געדולד, פאָרזיכטיקייט און אָריענטאַציע. און אויך קרבנות, איר הערט? איך זאָג אייַך אָפן, האַרנאַ, אייַער לעבן ווערט געשטעלט אין קאָן. לויט מייַן מיינונג, גייט איר אויף אַ זיכערן טויט. צי זענט איר גרייט אויף דער דאָזיקער „אַרבעט"? ענטפערט דרייסט!

ער האָט זיך שאַרף אַרייַנגעקוקט אין איר געזיכט, געוואָלט זען צי גיט עס נישט קיין ציטער, צי ווערט עס נישט בלאַס. אָבער האַרנאַ האָט געשמייכלט. איר פנים איז געווען פול מיט באַגייַסטערונג, און אָנכאַפנדיק ברונאָנס האַנט, האָט זי אויסגערופן:

— איך שרעק מיך נישט פאַרן טויט, איך בין גרייט צו שטאַרבן! אויב סקאַלאָנס טויט זאָל דאַרפן קאָסטן מייַן לעבן — בין איך גרייט דערצו ווי צום טאַנץ, חבר ברונאָן!

— געדענקט זשע, האַרנאַ, מיטן מאָמענט ווען איר נעמט איבער די „אַרבעט", דאַרפט איר גרייט זייַן אויף די גרעסטע קרבנות! אַלזאָ הערט זשע: מאָרגן וועט איר אין באַגלייַטונג פון אַן עלטערער פרוי גיין דינגען אַ דירה אויף קאָשיקאָווע נומער 13. דאָס דאָזיקע הויז, וואָס האָט אַ דורכגאַנגהויף, געפינט זיך אויף עק קאָשיקאָווע און נאַטאָלינסקע. דאָרטן געפינט זיך צו פאַרדינגען אַ דירה, וואָס אַ טייל פון אירע פענצטער גייען אַרויס אויף נאַטאָלינסקע. דאָ האָט איר אַ פאַס אויפן נאָמען פון אירענאַ קאָזלאָווסקאַ, אַלס אַזעלכע זאָלט איר זיך איינמעלדן. בייַם דינגען די דירה זאָלט איר דערקלערן דעם אַדמיניסטראַטאָר פון הויז אַז אין גיכן דאַרף קומען צו אייַך אַ רייַכע מומע פון דער פראָווינץ, אַז מ'וועט נאָך ברענגען אַ פאָרטעפיאַן און נאָך אַנדערע מעבל. די ראָל דאַרפט זייַן גוט געשפילט, כדי קיינער זאָל אייַך אין גאָרנישט חושד זייַן. איז די זאַך פאַר אייַך קלאָר?

— איך פאַרשטיי, — האָט האַרנאַ געענטפערט, אויסהערנדיק אויפמערקזאַם ברונאָנס רייד, — און ווייַטער? דאָס איז אַלץ? און ווי אַזוי וועט ווערן געמאַכט דער אַטנטאַט?

— דאָס איז ערשט דער אָנהייב, — האָט ברונאָן געענטפערט מיט אַ שמייכל, — אויף נאַטאָלינסקע נומער 9 וווינט דער דייַטשער וויצעקאָנסול. מיר האָבן אייַנגעאָרדנט פאַר סקאַלאָנען אַזאַ שפיצל, אַז ער וועט מוזן קומען צום וויצעקאָנסול אין דער וווינונג. אַ טייל פון די פענצטער פון דער דירה, וועלכע איך האָב אייַך אָנגעמערקט צו דינגען, גייען אַרויס אויף דער נאַטאָלינסקע און פון דאָרטן זעט מען זייער גוט דאָס הויז נומער 9. אייַער אויפגאַבע, האַרנאַ, וועט באַשטיין אין דעם: אַראָפצוואַרפן אַ באָמבע אויפן גענעראַל־גובערנאַטאָר אין מאָמענט ווען ער וועט פאָרן אויף דער נאַטאָלינסקע. דוכט זיך, האַרנאַ, אַז פאַר אייַך דאַרף שוין אַלץ זייַן קלאָר.

— אָ ברונאָן, דאָס איז אַ גלענצדיקער אייַנפאַל! — האָט זי אויסגערופן, — אָבער זאָגט מיר, ווי אַזוי ווייסט איר אַז סקאַלאָן וועט קומען צום וויצעקאָנסול מיט אַ באַזוך?

ברונאָן האָט איר דערקלערט אַז צוליב קאָנספיראַטיווע טעמים קאָן ער עס איר דערווייַל נישט זאָגן. אין עטלעכע טעג אַרום וועט זי זיך וועגן דעם דערוויסן. גלייַכצייַטיק האָט איר ברונאָן איבערגעגעבן אַז כדי דאָס דינגען די דירה זאָל נישט אַרויסרופן קיין שום חשד, וועט האַרנאַ האָבן אין איר רשות אַ „קעכין" און אַ „דינסט־מיידל", ווי עס פאַסט פאַר אַ רייַכער מאַדאַם.

— די „קעכין" און דאָס „דינסטמיידל" וועלן זייַן די חברטעס לאַלעטשקאַ און יאָאַשיאַ, — האָט ברונאָן צוגעגעבן מיט אַ שמייכל.

האַרנאַ איז געווען אויפן זיבעטן הימל. זי האָט געוויזן ברונאָנען, ווי אַזוי זי וועט שפילן די ראָל פון אַ יונגער מאַדאַם. ער האָט האַרציק געלאַכט און איר אויסגעדריקט אָנערקענונג.

— אויב סקאַלאָן וועט טאַקע אָפשטאַטן אַ באַזוך דעם דייַטשן וויצעקאָנסול, איז אונדזער זאַך אין דער בעסטער אָרדענונג, — האָט

האָרנאַ דערקלערט, — דער גענעראַל־גובערנאַטאָר וועט שוין צוריק קיין לעבעדיקער נישט אַהיימקומען!

„מאַדאַם״ קאָזלאָווסקאַ.

נאָך עטלעכע טעג פריער האָט ברונאָן באַטראַכט דאָס אָרט וווּ מ'האָט זיך געגרייט אויסצופירן דעם אַטענטאַט. דער דורכגאַנגס־הויף אויף קאָשיקאָווע 13 איז פון דער זײַט פון נאַטאָלינסקע געווען געשלאָסן. אין יענער צײַט האָט די פּאָליציי באַפוילן צו שליסן אַלע דורכגאַנגהייף און דאָס איז גראָד איצט געווען אויף דער האַנט פון די טעראָריסטן. אַרויסוואַרפנדיק די באָמבעס פון די פענצטער וואָס גייען אַרויס אויף נאַטאָלינסקע, האָבן די טעראָריסטן שנעל געקאָנט אַנטלויפן דורך דער זײַט פון קאָשיקאָווע, נישט ווערנדיק באַמערקט פון סקאַלאָנס היטערס, גלײַכצײַטיק האָט דאָס אָרט געהאַט נאָך אַ מעלה. די נאַטאָלינסקע־גאַס איז געווען אָפּגעשלאָסן פאַרן דורכפאָר, ווײַל אויף דער נאָוואָוויעיסקע־גאַס האָט מען דורכגעפירט קאַנאַליזאַציע־אַרבעט, אַזוי אַרום איז די נאַטאָלינסקע פון איין זײַט געווען אין גאַנצן פאַרמאַכט און זעלטן ווען אַ פור, אָדער דראָזשקע פלעגן אַרײַנפאָרן אין דער דאָזיקער גאַס.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך דעם געשפּרעך וואָס ברונאָן האָט געהאַט מיט האָרנאַן, האָט זיך צום אַדמיניסטראַטאָר פון הויז אויף קאָשיקאָווע נומ' 13 געמאָלדן אַ יונגע פרײַלין אין דער באַגלייטונג פון אַן עלטערער פרוי.

— צי איז די דירה אויפן ערשטן שטאָק אין פראָנט צום פאַרדינגען? — האָט דאָס יונגע מיידל געפרעגט.

— יאָ, מײַנע דאַמען, — האָט דער אַדמיניסטראַטאָר זיי פײַן אויפגענומען און אָנגעהויבן אויסצורעכענען די מעלות פון דער דאָזיקער דירה: פינף צימערן מיט אַ קיך, וואַנע, גאַז־באַלײַכטונג, אַ באַלקאָן, אַ ספּעציעל צימערל פאַר דער דינסט.

— איך דינג די דירה פאַר מײַן מומע, די פרוי זאָפיאַ זאַמאָיסקאַ, מיט וועלכער איך וועל צוזאַמען וווינען — האָט דאָס מיידל דערקלערט.

— איז אײַער מומע נישט אַ מאָל די קרובה פון גראַף זאַמאָיסקי? — האָט דער אַדמיניסטראַטאָר געפרעגט, זײַענדיק צופרידן וואָס אין דעם הויז מיט וועלכן ער פאַרוואַלטעט וועט וווינען אַ קרוב פון באַקאַנטן גראַף.

— יאָ, זי איז אַ קרובה, אָבער אַ ווײַטע... — האָט דאָס מיידל געענטפערט.

מ'איז מושווה געוואָרן מיטן פּרײַז. דאָס עלעגאַנטע פרײַלין האָט זיך נישט שטאַרק געדונגען, הגם זי האָט מכלומרשט באַמערקט אַז דער פּרײַז איז אַ ביסל צו טײַער, נאָר, פאַרפאַלן, די דירה געפעלט איר און זי מוז זי דינגען.

אין גיכן וועט מען ברענגען צו מיר אַ פּאָרטעפּיאַן און פאַרשידענע אַנדערע מעבל, — האָט דאָס מיידל דערקלערט דעם אַדמיניסטראַטאָר, — אָבער דאָס וועט געשען ערשט ווען מײַן מומע וועט קומען פון דער פּראָווינץ.

באַלד צו מאָרגנס איז געקומען אַ פור און מ'האָט אַרײַנגעטראָגן אין דער נײַער דירה מעבל, פאַרשידענע בילדער, שיינע דיוואַנען אד״גל.

— אַ רײַכע מאַדאַם ציט זיך צו אונדז אַרײַן, — האָט געזאָגט דער אַדמיניסטראַטאָר צום סטרוזש, — אַ קרובה פון דעם גראַף זאַמאָיסקי.

— אַזוי?! האָט דער סטרוזש געעפנט אַ פּאָר אויגן און זיך געריבן די הענט פאַר צופרידנקייט, — וועט מען דאָך פאַרדינען געלט.

בײַם איינמעלדן האָט דער זשאַנדצע געפרעגט:

— ווּ האָט איר ביז איצט געוווינט — פרײַלין קאָזלאָווסקאַ?

— אין דעם גוט פון מײַן מומע זאַמאָיסקאַ, בײַ וויעלון, —

האָט האָרנאַ געענטפערט און אָנגענומען אַ מינע פון אַן אַריסטאָקראַטין.

— און ווען נאָך האָט איר אײַנצומעלדן? — האָט דער זשאַנדצע געפרעגט מיט רעספּעקט און געוואַלדיקן דרך־ארץ.

— דערווײַל האָב איך אַ קעכין, יאָאַשיאַ ראַוויצקאַ. איך זוך אַ שטיבמיידל, אפשר, מײַן הער, קאָנט איר מיר רעקאָמענדירן אַן אָרנטלעך דינסטמיידל? איך בין דאָ אַ פרעמדע, איך קען דאָ נישט קיינעם.

— בײַ אונדז אין וואַרשע זענען פאַראַן ספּעציעלע קאַנטאָרן וועלכע שטעלן צו דינסטמיידלעך, — האָט דער זשאַנדצע געענטפערט און געווען צופרידן וואָס ער קאָן דינען מיט אַן עצה דער רײַכער לאָקאַטאָרקע. אַ קלייניקייט עפּעס — קרובים פון גראַף זאַמאָיסקי!...

צו מאָרגנס איז געקומען די „דינסט״. זי האָט זיך בכיוון נאָכגעפרעגט בײַם סטרוזש ווּ עס וווינט די פאַמיליע קאָזלאָווסקאַ.

— מ'האָט מיך געשיקט אַהער פון קאַנטאָר, — האָט דערקלערט דאָס מכלומרשטע דינסטמיידל.

אַזוי האָט זיך האָרנאַ אײַנגעאָרדנט מיט אירע צוויי מיטהעלפערינס, פון וועלכע איינע האָט געשפּילט די ראָל פון אַ קעכין און די צווייטע פון אַ דינסטמיידל.

אין דער גרויסער וווינונג איז אַלץ צוגעגאַנגען ווי עס פּאַסט פאַר אַ רײַך הויז. די „דינסט״ האָט אַלע טאָג אַראָפּגעטראָגן אויפן הויף די דיוואַנען און זיי אויסגעקלאַפּט, דערבײַ האָט זי געכאַפּט אַ שמועס מיט אַנדערע דינסטמיידלעך און זיי דערציילט אַז איר „מאַדאַם״ איז זייער אַ רײַכע, אַז צו איר שדכנט זיך אַ וואַרשעווער הער וועלכער קומט צו איר יעדן אָוונט. ברונאָן האָט בכיוון געהייסן פאַרשפּרייטן אַזעלכע קלאַנגען צווישן די לאָקאַטאָרן פון הויף, כדי זײַן אָפּקומען צו האָרנאַן זאָל נישט אויסקומען פאַרדעכטיק. און קומען האָט ער געמוזט זייער אָפט, כדי אַכטונג צו געבן אויף אַלעם, כדי צו געבן אָנווײַזונגען. ער האָט אויך געברענגט די באָמבעס וועלכע זענען געווען אײַנגעפּאַקט אין גרויסע פּודלעס פון היט.

— וואָס טוט אײַער מאַדאַם, פאַר וואָס גייט זי אַזוי זעלטן אַרויס פון שטוב? — האָבן געפרעגט די דינסטמיידלעך, — ס'איז זייער שלעכט אַז די מאַדאַם זיצט שטענדיק אין שטוב.

— זי מאָלט בילדער, — האָט לאַלעטשקאַ געענטפערט, — גאַנצע טעג זיצט זי און מאָלט.

יאָאַשיאַ און לאַלעטשקאַ האָבן אויך געפלירטעוועט מיט די איינוווינערס פון די אַנטקעגנאיבערדיקע פראָנט־וווינונגען פון דער נאַטאָלינסקע־גאַס. היות ווי אויף דער דאָזיקער גאַס האָבן הויפּטזעכלעך געוווינט רוסישע באַאַמטע און זיי וואָלטן, אפשר, געקוקט מיט חשד אויף די נײַע לאָקאַטאָרן, האָט ברונאָן באַפוילן דעם „דינסטמיידל״ און דער „קעכין״ אָנצוהייבן אַן אויגנפלירט דורך די פענצטער.

די „מאַדאַם״ האָט עטלעכע מאָל מכלומרשט אָנגעשריגן אויף אירע „דינערינס״ און זיי אַוועקגעטריבן פון פענצטער, אָבער יאָאַשיאַ און לאַלענטשקאַ האָבן ווײַטער בגנבה געוואָרפן בליקן אין די אַנטקעגנאיבערדיקע פענצטער, און די קאַוואַלירן האָבן פון דאָרטן געענטפערט מיט לופטקושן.

די באָמבעס וועלכע ברונאָן האָט געברענגט זענען באַהאַלטן געוואָרן אין דעם לאָך וואָס פירט צום קוימען. דאָס אָרט איז פאַרשטעלט געוואָרן מיט אַן עלעגאַנט טישל, אויף וועלכן ס'זענען געווען אָנגעשטעלט קליינע סטאַטועטקעס, שפּיגלען, אַלבומען און אַנדערע קלייניקייטן. באָמבעס האָט ברונאָן געברענגט פיר, צוויי גרויסע, צען פונטיקע, אין דער פאָרעם פון הויכע פּודעלעך, און צוויי קליינע.

אַלץ איז געווען צוגעגרייט. מ'האָט נאָר געוואַרט אַז סקאַלאָן זאָל אָנקומען אויף דער נאַטאָלינסקע־גאַס, אָבער איידער דער דײַטשער וויצעקאָנסול האָט נישט באַקומען געפּאַטשט, האָט דער

דאָזיקער פאַל נישט געקאָנט געשען ... ווען אַלץ איז שוין אין דער דירה אויף קאָשיקאָווע 13 געווען צוגעגרייט, ווען די לאָקאַטאָרן, די דריי מיידלעך טעראָריסטינס, האָבן זיך שוין גוט געהאַט איינגעשפילט אין זייער ראָל, האָט ברונאָן באַפוילן אָנצוהייבן דעם ערשטן אַקט פון צוגעגרייטן פלאַן. דער אַרבעטער פון טעמלער און שוועדעס גאַרבערײַ האָט באַקומען דעם באַפעל צו באַווײַזן זיך אין גאַס אין מונדיר פון אַ צאַרישן אָפיציר. ברונאָן האָט פריער נישט געוואָלט אָנהייבן די אַקציע מיטן וויצעקאָנסול ביז וואַנען דער ענין מיט דער דירה וועט נישט זײַן פולשטענדיק דערליידיקט. איצט איז אַלץ געווען גענוי אויסגערעכנט און צוגעגרייט. ברונאָן האָט נישט פאַרלוירן פון בליק די מינדסטע קלייניקייט אין דער דאָזיקער „אַרבעט". איין נישט פאָרזיכטיקייט, איין נישט באַרעכנטער שריט — און דער גאַנצער פלאַן וואָלט געוואָרן צעשטערט.

די פעטש אויפן גרינעם פלאַץ

געשען איז עס מאָנטיק, דעם 13טן אויגוסט. דער וויצעקאָנסול, באַראָן לערכענפעלד, האָט פינקטלעך דרײַ אַ זייגער בײַ טאָג געענדיקט זײַנע אַמט־שעהען און האָט זיך געלאָזט גיין אין יעגערקלוב אויף מיטאָג. עטלעכע טעג איז דער וויצעקאָנסול אָבסערווירט געוואָרן פון צוויי מיטגלידער פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן געהאַט די אויפגאַבע גענוי פעסטצושטעלן, אין וועלכער צײַט דער וויצעקאָנסול פאַרלאָזט זײַן ביוראָ, דורך וועלכע גאַסן ער גייט אַדורך אויפן וועג אין יעגערקלוב און בכלל האָט מען נאָכגעקוקט, ווי אַזוי דער באַראָן פאַרהאַלט זיך אויף דער גאַס. דאָס אַלץ איז זייער נייטיק געווען צו וויסן.

ס'איז אויך פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז דער וויצעקאָנסול גייט יעדן טאָג אַדורך דעם גרינעם פלאַץ (הײַנט: פלאַץ דאָמבראָווסקיעגאָ). צוליב דעם וואָס פון דעם דאָזיקן פלאַץ קאָן מען לײַכט אָנקומען אויף פאַרשידענע זײַטיקע גאַסן, איז דאָס דאָזיקע אָרט אויסגעקליבן געוואָרן פאַר דעם אַקט פון באַליידיקן דעם וויצעקאָנסול.

דרײַ אַ זייגער בײַ טאָג איז אויף אַ באַנק פון דעם דאָזיקן פלאַץ געזעסן אַ רוסישער אָפיציר אין אַן עלעגאַנטן העל בלויען מונדיר, מיט בלאַנקנדיקע קנעפ, אויף וועלכע ס'האָט זיך געפינען דער צאַרישער, צווייקעפעדיקער אָדלער. ער האָט געהאַלטן פאַרלייגט אַ פוס אויף אַ פוס און די שפאָרן אויף זײַנע געפאַסטע שטיוול האָבן אַ קלינג געטון בײַ יעדער באַוועגונג פון די פיס. לעבן אים איז געזעסן אַ דאַמע, עלעגאַנט געקליידט, און געפירט מיטן גאַלאַנטן אָפיציר אַ לעבעדיקן שמועס.. די פאַרבײַגייערס האָבן נײַגעריק זיך צוגעקוקט צו דעם אָפיציר, וואָס האָט מיט פאַרליבטע אויגן געקוקט אויף דער יונגער דאַמע וועלכע האָט פון איר זײַט קאָקעטיש צו אים געשמייכלט. אפילו דאָס גענײַטע אויג פון אַ שפיאָן וואָלט נישט אײַנגעפאַלן אין עפעס חושד צו זײַן דאָס דאָזיקע פאָרל. דער אָפיציר האָט מיט אַזאַ באַגײַסטערונג גערעדט צו דער דאַמע, אין זײַנע אויגן איז געלעגן אַזוי פיל לײַדנשאַפט, זײַנע באַוועגונגען האָבן אויסגעדריקט אַזאַ ריטערלעכע גאַלאַנטקייט, אַז קיינעם וואָלט נישט אײַנגעפאַלן אַ טראַכט צו טון אַז דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ גלענצנדיקע שפיל פון אַ פשוטן אַרבעטער פון טעמלער און שוועדעס גאַרבערײַ־פאַבריק. ס'וואָלט זיך אויך קיינער נישט פאָרגעשטעלט אַז די עלעגאַנטע דאַמע, וועלכע שמייכלט אַזוי פאַרפירעריש צום צאַרישן אָפיציר, איז אַן אָנגעשטעלטע אין אַ שיכגעשעפט און האָט זיך אויף דעם טאָג ספעציעל באַפרײַט פון דער אַרבעט, זאָגנדיק אַז זי איז קראַנק.

ביידע האָבן אַזוי אַרטיסטיש געשפילט די ראָל, אַז אפילו דער דראָזשקאַזש, אַ מיטגליד פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, וועלכער איז ספעציעל אָוועקגעשטעלט געוואָרן מיט דער דראָזשקע נישט ווײַט פון אָרט ווו דער אָפיציר איז געזעסן מיט דער דאַמע, אויך ער האָט קוים געקאָנט דערקענען זײַנע חברים. ס'האָבן זיך אויך געפונען אויפן פלאַץ עטלעכע פאַרטיי־חברים, כדי צו זײַן עדות פון דעם געשעעניש און גענוי אינפאָרמירן ברונאָנען וועגן דער ווײַטערדיקער האַלטונג פון דעם געפאַטשטן וויצעקאָנסול. אויך די דאָזיקע אַרבעטער האָבן נישט דערקענט זייערע פאַרטיי־חברים און האָבן זיך פשוט נישט געקאָנט צוגלויבן אַז דער אָפיציר און די דאַמע זענען ... פשוטע פראָלעטאַריער.

פון דער ווײַטנס האָט זיך באַוויזן דאָס מאַסיווע געשטאַלט פון באַראָן לערכענפעלד. דער וויצעקאָנסול איז געגאַנגען מיט מאַיעסטעטישע טריט איבערן ברייטן טראָטואַר און האָט געהאַלטן פאַררייסן דעם קאָפ, ווי ער וואָלט נישט געוואָלט מזכה זײַן מיט זײַן בליק די פאַרבײַגייערס. און האָט ער שוין געוואָרפן אויף אימעצן אַ בליק, איז דער דאָזיקער בליק געווען פול מיט פאַראַכטונג צו דעם גאַנצן אַרום, צו די פאַרבײַגייענדיקע מענטשן, צו די הײַזער, צו אַלץ.

ווי נאָר דער „אָפיציר" האָט דערזען פון דער ווײַטנס דעם וויצעקאָנסול, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך האַרציק געזעגנט מיט דער דאַמע. ער האָט איר געגעבן אַ קוש אין דער האַנט, זי האָט נאָך אַ מאָל קאָקעטיש אַ שמייכל געטון און באַלד אַוועק אין דער ריכטונג פון דער מאַזאָוויעצקע. דער „אָפיציר" האָט גענומען אַנטקעגנגיין דעם וויצעקאָנסול. ווען ער איז שוין צוגעקומען זייער נאָענט, האָט ער זיך אַ רגע אָפגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך אײַנגעקוקט אין באַראָנס געזיכט. דער וויצעקאָנסול האָט דאָס מאָל אַראָפגעלאָזט אויף אַ ווײַל דעם פאַררייסענעם קאָפ, ווײַל ס'האָט אים געוווּנדערט וואָס אַן אָפיציר באַטראַכט אים אַזוי אויפמערקזאַם. ס'איז אים אײַנגעפאַלן אַ פרעג צו טון דעם דאָזיקן אָפיציר וואָס ער קוקט זיך אין אים אַזוי אײַן. אָבער איידער ער האָט געהאַט אַ ישוב־הדעת צי ער זאָל יאָ פרעגן אָדער נישט פרעגן, איז דער אָפיציר צו אים צוגעשפרונגען און אים אַראָפגעלאָזט צוויי פײַערדיקע פעטש, איינעם נאָכן אַנדערן, זאָגנדיק דערבײַ: — וואַט טעביע, סוואָלאָטש, זאַ אינטערווענציו! *)

דער וויצעקאָנסול האָט אויפגעהויבן די האַנט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט ווערן, אָבער די צוויי פעסטע פעטש האָבן אים אַזוי צערודערט, אַז ער איז געבליבן שטיין ווי אַ צוגעשמידטער צום אָרט, צוהאַלטנדיק זיך אינסטינקטיוו מיט דער האַנט בײַ דער באַק.

ס'האָט זיך באַלד געשאַפן אַ רעדל פון מענטשן. דער „אָפיציר" איז נאָכן געשעענעם פאַקט נישט אַנטלאָפן. ער איז מיט רויִקע טריט און מיט אַ שטאָלץ אויפגעהויבענעם קאָפ דורכגעגאַנגען דורכן געזעמל מענטשן. קיינער וואָלט נישט געוואַגט צו פאַרהאַלטן אַ צאַרישן אָפיציר. אַן אַנוועזנדיקער פאָליציאַנט האָט נאָר בלויז פאַרצייכנט דעם נומער פון פאָלק, וועלכער האָט זיך געפונען אויף דעם אָפיצירס עפאָלעטן. דער אָפיציר האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין דראָזשקע, וועלכע איז געשטאַנען דערנעבן, און אַ געשרײַ געטון צום דראָזשקאַזש:

— וואָלאַי, סוקין סין! (פאָר, הינטישער זון)

דער דראָזשקאַזש האָט מכלומרשט אַ ציטער געטון, געמאַכט אַ מינע ווי ער וואָלט מורא געהאַט צו פאָרן, אָבער דער אָפיציר האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער און באַפוילן דעם דראָזשקאַזש: וואָלאַי! דעמאָלט האָט דער דראָשקאַזש אַ צי געטון בײַ די לייטשן, און די דראָזשקע האָט גענומען פאָרן. ווען די דראָזשקע האָט גערירט פון אָרט, האָט דער „אָפיציר" נאָך געדראָט דעם געפאַטשטן וויצעקאָנסול מיט דער פויסט, באַגלייטנדיק די דראָונג מיט אַן עכט רוסישער קללה. אין עטלעכע מינוט אַרום איז די דראָזשקע פאַרשוווּנדן אין אַ זײַטיק געסל פון גרויסן פלאַץ.

דער באַראָן איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ צעטומלטער און געמורמלט:

— איך וועל דאָס נישט שווײַגן, דער צאַר אַליין וועט מיך מוזן איבערבעטן ... אַזאַ חוצפה ... אַזאַ סקאַנדאַל ...

דאָס געזעמל פון מענטשן איז געוואָרן גרעסער פון מינוט צו מינוט. דער אַנוועזנדיקער פאָליציאַנט האָט פאַרשריבן די נעמען פון די עדות. אַלע האָבן פעסטגעשטעלט אַז דער אָפיציר איז אָן אַ פאַרוואָס צוגעגאַנגען צום באַראָן און אַראָפגעלאָזט אים צוויי פעטש. אַ סך פון די אַנוועזנדיקע האָבן גערעדט מיט כעס וועגן דעם מיאוסן טאַט פון אָפיציר, אַנדערע ווידער האָבן זיך געוויצלט אויפן חשבון פון געפאַטשטן וויצעקאָנסול.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז דער „אָפיציר" געזעסן בײַ ברונאָנען אין שטוב, שנעל אַראָפגעוואָרפן פון זיך די אָפיצירישע

---

*) נאַ דיר, לומפ, פאַר דער אינטערווענץ!

מלבושים און מיט אַ האַרציקן געלעכטער דערציילט ווי גלענצנדיק ער האָט געשפּילט זײַן ראָל.

— איז קיינער נישט נאָכגעפאָרן נאָך אײַער דראָזשקע? — האָט ברונאָן געפרעגט, — האָט איר אויף דעם גוט אַכטונג געגעבן?

— וואָס רעדט איר, חבר ברונאָן? — האָט דער אַרבעטער געענטפערט, — אפילו דער צופעליק אַנוועזנדיקער פּאָליציאַנט האָט פאַר מיר געציטערט. מ'האָט מורא געהאַט אויסצורעדן צו מיר אַ וואָרט און ווען כ'בין אָפּגעפאָרן פון גרינעם פּלאַץ, האָבן אַלע מורא געהאַט אפילו מיר נאָכצוקוקן, ווײַל כ'האָב געהאַלטן דעם אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער אין דער האַנט. איך האָב כסדר אָבסערווירט צי מען פאָרט מיר נישט נאָך. אָבער קיינעם איז נישט אײַנגעפאַלן מיר נאָכצופאָרן. אַלץ איז אַדורך אין דער בעסטער אָרדענונג.

— נו, אויב אַזוי, קאָן מען רויִק וואַרטן אויפן צווייטן אַקט פון דער „אַקציע”,— האָט ברונאָן אַ זאָג געטון מיט אַ שמייכל, — אײַערע פּעטש, ליבער חבר, וועלן ברענגען גוטע רעזולטאַטן.

דער גענעראַל-גובערנאַטאָר האָט מורא

די פּעטש האָבן געשטעלט אין באַוועגונג די גאַנצע רוסישע און דײַטשע דיפּלאָמאַטיע. ס'זענען געפלויגן דעפּעשעס פון בערלין קיין פּעטערבורג, פון פּעטערבורג קיין וואַרשע, פון פּעטערבורג קיין בערלין. דער דײַטשער אַמבאַסאַדאָר האָט אָפּגעשטאַט אַ וויזיט דעם רוסישן אויסערן־מיניסטער און שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דעם פּאַל מיטן באַראָן לערכענפעלד. דער קייזער ווילהעלם, דערוויסנדיק זיך וועגן די דאָזיקע פּעטש וואָס זײַנען אַ באַאַמטער האָט באַקומען פון אַ רוסישן אָפיציר, האָט געפאָדערט אַ סאַטיספאַקציע. ספּעציעלע קוריערן מיט באַריכטן זענען געפלויגן פון וואַרשע קיין פּעטערבורג און צוריק. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן איז געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, ווײַל דער פאַקט איז פאָרגעקומען אין דעם לאַנד איבער וועלכן ער האָט געהערשט, און ער האָט, אַזוי צו זאָגן, געטראָגן אַ מאָראַלישע מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם וואָס ס'איז פאָרגעקומען. ער האָט פאַראָרדנט אַ שטרענגע אויספאָרשונג, געהייסן אויפזוכן דעם שולדיקן אָפיציר, אָבער ס'איז זייער שווער געווען אויסצוזוכן דעם שולדיקן, ווײַל דער נאָמען פון אָפיציר איז געווען אומבאַקאַנט און אַלע אָפיצירן פון פּאָלק אין קאַליש האָבן דערקלערט אַז זיי ווייסן נישט פון וואָס צו זאָגן. די אויספאָרשונג האָט זיך ווײַטער געפירט, אָבער דערווײַל האָט סקאַלאָן באַקומען אַ טעלעגראַפישן באַפעל פון אינערן־מיניסטער פון פּעטערבורג אַז ער זאָל אָפּשטאַטן אַן אָפיציעלן וויזיט דעם באַראָן לערכענפעלד, אין זײַן פּריוואַטער וווינונג, און אים איבערבעטן צוליב דעם געשעענעם פאַקט.

— צו אַלדע שוואַרץ יאָר! — האָט סקאַלאָן אַ שלײַדער געטון די דעפּעשע, זיצנדיק אַליין אין זײַן קאַבינעט, — פאַר אַרויס אויף דער גאַס אין אַזעלכע אומרויִקע צײַטן ווען די רעוואָלוציאָנערן שיסן אויף „נאַטשאַלסטווא” ! נאָר פאַרפאַלן, נישטאָ קיין ברירה, אַז מען באַפעלט פון פּעטערבורג, מוז מען אויספירן.

מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן אַז אין צוויי טעג נאָך די פּעטש אויפן גרינעם פּלאַץ איז אויסגעפאַלן דער באַקאַנטער בלוטיקער מיטוואָך*), ווען צענדליקער פּאָליציי־לײַט און סאָלדאַטן זענען דערשאָסן געוואָרן אויף די גאַסן פון וואַרשע. סקאַלאָן האָט דעריבער געהאַט אַ גרונד מורא צו האָבן זיך צו באַווײַזן אויף די וואַרשעווער גאַסן. ער האָט געוווּסט אַז ער איז פאַרהאַסט ביי דער באַפעלקערונג און אַז מען וויל אים אומברענגען.

סקאַלאָן האָט באַשלאָסן אָפּצושטאַטן דעם וויזיט שבת, דעם 18טן אויגוסט. ער האָט אַרײַנגערופן דעם סעקרעטאַר און געמאָלדן:

— שבת וועל איך באַזוכן דעם באַראָן לערכענפעלד, כדי אויסצודריקן אים באַדויערונג צוליב דעם געשעענעם פאַל, אַלזאָ... איר פאַרשטייט דאָך שוין וואָס ס'איז דאָ צו טון...

— איך פאַרשטיי, — האָט דער סעקרעטאַר געענטפערט, —

איך וועל באַלד אָנקלינגען אין ראָטהויז. אַלע גאַסן וואָס פירן צום באַראָנס דירה וועלן באַשטעלט ווערן מיט געהיים־אַגענטן. איך וועל זיך באַלד וועגן דעם פאַרשטענדיקן.

— נישט בלויז דאָס, — האָט סקאַלאָן דערקלערט און זײַן פּנים האָט אָנגענומען אַ דערשראָקענעם אויסזען, — מיט די באַנדעם רעוואָלוציאָנערן דאַרף מען זײַן פאָרזיכטיק. מען דאַרף אויך אַכטונג געבן אויף די אײַנוווינערס וואָס זייערע פענצטער גייען אַרויס אויף דער גאַס. עס קאָן זיך אַ מאָל פאַרוואַלגערן ערגעץ אַ רעוואָלוציאָנער און אַראָפּשיסן פון אַ פענצטער.

— אויב אַזוי וועל איך הייסן דער פּאָליציי אַז זי זאָל זיך דערוויסן גענויע ידיעות וועגן יעדן לאָקאַטאָר וואָס די פענצטער פון זײַן דירה גייען אויף דער גאַס אַרויס. אפשר אַרויסגעבן אַ באַפעל אַז אין דער צײַט פון אײַער דורכפאָרן, עקסעלענץ, זאָלן די פענצטער זײַן געשלאָסן?

— אָ, ניין, דאָס הייסט אַרויסרופן אַ חשד אַז מיר האָבן מורא פאַר אַן אַטענטאַט, איר פאַרשטייט? די פּאָליציי דאַרף בלויז באַקומען ידיעות וועגן יעדן אײַנוווינער פון די הײַזער אויף די גאַסן דורך וועלכע איך וועל דורכפאָרן.

— דאָס וועט תיכף דורך מיר דערלידיקט ווערן, עקסעלענץ, — האָט דער סעקרעטאַר געענטפערט, — איך וועל תיכף קלינגען אין דער אָכראַנע־אָפּטיילונג.

דער סעקרעטאַר האָט שוין געוואָלט אַרויסגיין. סקאַלאָן האָט אים צוריקגערופן:

— ווי מיינט איר, זיי וועלן וואַגן?

— ווער, עקסעלענץ?

— איך מיין די... די רעוואָלוציאָנערן, צי זיי וועלן וואַגן צו שיסן אויף מיר? זיי שיסן דאָך לעצטנס בלויז נידעריקע פּאָליציי־באַאַמטע...

— אײַער עקסעלענץ קאָן זײַן פולשטענדיק רויִק, — האָט דער סעקרעטאַר געענטפערט, זעענדיק דעם אומהיימלעכן אויסדרוק אויפן גענעראַל־גובערנאַטאָרס געזיכט — נאָך הײַנט און מאָרגן וועלן דורכגעפירט ווערן אַ סך אַרעסטן, אונדזערע מענטשן האָבן אַלעמען אויפן אויג.

יאָ, ריכטיק, ביז שבת מוזן דורכגעפירט ווערן וואָס מער אַרעסטן, — האָט סקאַלאָן זיך דערפילט אַ ביסל הײַטערער, — יעדער פאַרדעכטיקער מענטש אויף דער גאַס דאַרף אָפּגעפירט ווערן אין דער אָכראַנע־אָפּטיילונג. מען דאַרף אויך דורכנישטערן אַ סך וווינונגען פון פאַרדעכטיקע פּאַרשוינען. הערט, לאַדט אײַן צו מיר דעם שעף פון דער אָכראַנע, איך מוז אים פערזענלעך געבן אָנווײַזונגען. קלינגט אים תיכף אָן, זאָל ער נאָך הײַנט קומען!

עפּעס האָט זיך סקאַלאָן איצט דערפילט זיכערער. אַרעסטן, אָן אַ שיעור אַרעסטן — אָ, דאָס וועט העלפן, דאָס וועט באַזײַטיקן די געפאַר! ער האָט נאָך געפרוּווט נאָך אַ מאָל אָנפרעגן אין פּעטערבורג צי ס'איז נייטיק אַז ער זאָל פערזענלעך באַזוכן דעם באַליידיקטן וויצעקאָנסול. פון דאָרטן האָט מען אים געענטפערט אַז אין די דײַטשע דיפּלאָמאַטישע קרײַזן איז מען שטאַרק אויפגעבראַכט צוליב דער געשיכטע מיט די פּעטש, און דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פון פּוילן מוז פערזענלעך איבערבעטן דעם באַראָן לערכענפעלד.

דער אָכראַנע־שעף האָט באַזוכט סקאַלאָנען. דער פּחדנותדיקער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט געפאָדערט אַז די שמירה זאָל זײַן אַן אויסערגעוויינלעכע.

— דער עיקר וואָס מער אַרעסטן! — האָט ער באַפוילן.

די אָכראַנע האָט גענומען אַרבעטן מעשים. אַגענטן זענען אַרומגעגאַנגען איבער די הייפן וועלכע האָבן זיך געפונען אויף קאָשיקאָווע און נאַטאָלינסקע, און זיך אויסגעפרעגט וועגן די לאָקאַטאָרן. געפרעגט האָט מען ביי די סטרוזשעס און ביי די זשאַנדצעס.

פרײַטיק, דעם 17טן אויגוסט, האָט זיך אויך געמאָלדן אַן

---

*) זע וועגן דעם אין פּינקעס וואַרשע זז' 267—292.

אַגענט צום סטרוזש אויף קאַשיקאָווע 13 און זיך גענומען אויספרעגן וועגן די לאָקאַטאָרן וואָס פאַרנעמען פראָנט־דירות. — אָרנטלעכע און רײַכע לײַט, — האָט געענטפערט דער סטרוזש. — אָט האָט זיך מיט צוויי וואָכן צוריק אַרײַנגעצויגן אויפן ערשטן שטאָק אַ קרובה פון גראַף זאַמאָיסקי. אַן אמתע גרעפין. זי גייט זעלטן אַרויס פון שטוב און מאָלט בילדער.

דער ראַפאָרט וועלכער איז צוגעשטעלט געוואָרן דעם שעף פון דער אָכראַנע שבת אין דער פרי, האָט געלויטעט אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג, אַז אַלע אײַנוווינערס פון די פראָנט־דירות זענען „כשרע און אָרנטלעכע מענטשן“ און מ׳קאָן גאַנץ דרייסט דורכפאָרן די גאַסן. אין ראַפאָרט איז אויך געווען איבערגעגעבן אַז אין צוזאַמענהאַנג מיטן גענעראַל־גובערנאַטאָרס וויזיט בײַם וויצעקאָנסול זענען געמאַכט געוואָרן צאָלרײַכע אַרעסטן און הונדערטער רעוואָלוציאָנערן זיצן אין תפיסה.

דער שעף פון דער אָכראַנע האָט תיכף וועגן דעם צו וויסן געגעבן דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר. סקאַלאָן האָט זיך דערפילט זיכערער און ער האָט געגעבן אַ באַפעל צו שפאַנען די קאַרעטע. די מורא וועלכע האָט אים לכתחילה באַהערשט איז איצט פאַרשוווּנדן געוואָרן. ער האָט זיך געפילט מונטער און האָט צופרידן געשמייכלט.

מ׳גרייט זיך...

ברונאָן איז כמעט אַלע טאָג געקומען אין דער דירה אויף קאַשיקאָווע 13, כדי צו געבן אָנווײַזונגען און גלײַכצײַטיק געוויר צו ווערן צי מען שפיאָנירט נישט די וווינונג, צי אַלץ געפינט זיך אין אָרדענונג. ער פלעגט קומען אין אָוונט. כדי ס׳זאָל נישט פאַלן קיין חשד, פלעגט ער טראָגן אַן עלעגאַנטן אָנצוג, אַ מאָנאָקל אין אויג און תמיד זײַן באַלאָדן מיט באָמבאָניערקעס, פודעלעך מיט טשאַסטעס, כּלערליי דעליקאַטעסן אד״גל. ער האָט דאָך געדאַרפט שפילן די ראָל פון אַ רײַכן הער וועלכער שדכנט זיך צו דער „פרײַלין קאָזלאָווסקאַ“.

עפענען די טיר פלעגט לאַלעטשקאַ. ברונאָן פלעגט זיך מיט איר וויצלען. אַרײַנקומענדיק האָט ער תמיד געזאָגט מיט אַ געלעכטער:

— נו, פאַננאַ לאַלעטשקאַ, ווי פילט זיך די „מאַדאַם“?

— אויסגעצייכנט, מײַן גנעדיקער הער! — פלעגט לאַלעטשקאַ מאַכן אַן אונטערטעניקע באַוועגונג און ביידע פלעגן זיך שטאַרק צעלאַכן.

— וואָס הערט זיך, חבר ברונאָן? — האָט האַרנאַ געפרעגט,
— מיר וואַרטן שוין אומגעדולדיק אַז דער העכט זאָל אַרײַנפאַלן אין דער נעץ אַרײַן... דערווײַל הערט מען נישט און מען זעט נישט...

— איצט וועט ער שוין מוזן אַרײַנפאַלן, — האָט ברונאָן דערקלערט און דערציילט די געשיכטע מיטן געפאַטשטן וויצעקאָנסול.
— דאָס איז געווען הײַנט בײַ טאָג. אַזוי, אַז פון איצט אָן, פון מאָרגן אָן, הייסט עס, קאָן מען זיך יעדע מינוט ריכטן אויף סקאַלאָנס פאַרבײַפאָרן.

— אַהאַ, איצט איז פאַר מיר אַלץ קלאָר! — האָט האַרנאַ געזאָגט און געשמייכלט אַ צופרידענע, — סקאַלאָן וועט שוין איצט מוזן קומען אַהער אויף דער נאַטאָלינסקע.

— מיר וועלן אים שוין האָבן אויפן אויג, חבר ברונאָן, — האָט יאַשיאַ דערקלערט, — דאָ פאָרט מען זעלטן, ווײַל דער דורכפאָר צו דער נאָוואָוויעיסקע איז געשלאָסן. ווי נאָר עס טופן פערדישע קאָפיטעס, הערט מען באַלד, ווײַל אויף דער דאָזיקער גאַס איז עס אַ זעלטנקייט.

— איך האָב עס טאַקע פריער אויסגערעכנט, — האָט ברונאָן דערקלערט, — יעדער טופערײַ פון פערדישע קאָפיטעס דאַרף תיכף צוציען אײַער אויפמערקזאַמקייט.

— מיר שטייען דאָס סײַ ווי סײַ אָפט בײַ די פענצטער און פלירטעווען מיט די יונגע־לײַט פון אַנטקעגנאיבער, — האָט לאַלעטשקאַ געשמייכלט, — מיר באַמערקן דעריבער שטענדיק וואָס עס טוט זיך אויף דער גאַס.

— די ערשטע באָמבע וואַרף איך? — האָט געפרעגט האַרנאַ און אירע אויגן האָבן געלויכטן פאַר פרייד — וואָס פאַר אַ גליק!

— יאָ, איר, האַרנאַ, — האָט ברונאָן געענטפערט און זיך באַגײַסטערט מיט איר דערהויבענער שטימונג, — איר וועט טאַקע האָבן דאָס גליק צו זײַן די ערשטע וואָס וועט שלײַדערן די באָמבע אויף סקאַלאָנען. צוליב דעם וואָס שוין מאָרגן, אָדער איבער מאָרגן, וועט מען עס דאַרפן אויספירן, מוז איך אײַך נאָך אַ מאָל געבן די גענויע אָנווײַזונגען ווי אַזוי צו האַנדלען. פון אייער שנעלער אָריענטאַציע איז אָפהענגיק צו ראַטעווען אײַער לעבן. זעצט אײַך און הערט מיך נאָך אַ מאָל אויס. לאָזט פריער אַראָפ די ראָלעטן.

יאַשיאַ האָט אַראָפגעלאָזט די ראָלעטן. די דרײַ מיידלעך האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום ברונאָנען. אין די פינף גרויסע און כמעט ליידיקע צימערן האָט איצט געהערשט אַ מאָדנע שטילקייט. יעדער מינדסטער שאָרך האָט געצווווּנגען די מיידלעך אויפצוציטערן. ברונאָן האָט גערעדט מיט אַ שטילער שטים:

— ווי איך האָב אײַך שוין געזאָגט, דאַרף מען וואַרפן די באָמבע לויט אַ פלאַן. אין קעגנפאַל קאָנען זיי נישט דערגרײַכן דעם ציל. די ערשטע באָמבע דאַרף אַראָפוואַרפן האַרנאַ גלײַך אונטער די פיס פון די פערד. די צווייטע באָמבע, פון צווייטן פענצטער, דאַרף אַראָפשלײַדערן יאַשיאַ תיכף נאָך דער ערשטער באָמבע. דערנאָך דאַרף האַרנאַ האָבן צוגעגרייט אויפן פענצטערברעטל די צוויי קלענערע באָמבעס און זיי אויך אַראָפוואַרפן איינע נאָך די אַנדערע, כּדי צו פאַרגרעסערן די צערודערטקייט פון סקאַלאָנס היטערס און שפיאָנען. וואַרפנדיק איין באָמבע נאָך דער אַנדערער, פיר מאָל, איין מאָל נאָכן אַנדערן, דערלאָזט איר נישט אַז די פאָליציאַנטן און דער גאַנצער עולם אויף דער גאַס זאָל קומען צו זיך. אַזוי אַרום ווערט פאַרלענגערט דער מאָמענט פון צעטומלטקייט און שרעק און איר קאָנט דערווײַל לײַכטער אַנטלויפן. סקאַלאָנס היטערס וועלן דאָך אַ ווײַל בלײַבן שטיין אומבאַוועגלעך, מורא האָבנדיק פאַר אַ פינפטער באָמבע. זיי וועלן זיך לאָזן לויפן נאָך די באָמבעוואַרפערס, ערשט נאָך דעם ווי זיי וועלן קומען צו זיך פון שרעק און איבעראַשונג. דאָס אַלץ דאַרפט איר גענוי נעמען אין אַכט. מיטן מאָמענט ווען סקאַלאָן וועט אָנפאָרן מיט דער קאַרעטע, דאַרף לאַלעטשקאַ באַלד פאַרלאָזן די שטוב. אַנטלויפן צוזאַמען אַלע דרײַ טאָרט איר נישט, דאָס קאָן ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די לאָקאַטאָרן פון הויז. די צווייטע דאַרף אַנטלויפן יאַשיאַ תיכף נאָכן וואַרפן די באָמבע, די לעצטע דאַרף פאַרלאָזן די וווינונג האַרנאַ. איר נעמט אויף זיך דעם שווערסטן טייל, — האָט ברונאָן זיך געווענדט צו האַרנאַן.

— איך בין אַפילו גרייט צו וואַרפן אַלע פיר באָמבעס, — האָט האַרנאַ געענטפערט.

— אָ, האַרנאַ, דו ווילסט צונעמען פאַר זיך אַלץ! — האָט יאַשיאַ געזאָגט מיט אַ לײַכטן פאָרוואָרף אין טאָן.

— און איך וועל תיכף מוזן אַנטלויפן, גאָרנישט טוענדיק? — האָט לאַלעטשקאַ זיך געפיעשטשעט, — חבר ברונאָן, איך וועל אויך וואַרפן איין באָמבע, יאָ?

— איר רעדט ווי קינדער, — האָט ברונאָן דערקלערט, — דאָס איז דאָך נישט קיין שפיל. יעדע פון אײַך האָט דאָך אַ באַשטימטע אויפגאַבע...

— מיר ווייסן, — האָבן זיך יאַשיאַ און לאַלעטשקאַ צעלאַכט,
— מיר האָבן נאָר בלויז אַ ביסל געוואָלט שפאַסן. ס׳איז דאָ אַזוי לאַנגווײַליק, מ׳זעט זיך נישט אַ גאַנצן טאָג מיט קיינעם, מ׳איז אָפגעשלאָסן פון דער גאַנצער אויסערלעכער וועלט. מ׳מוז לעבן אין .דער געזעלשאַפט פון אַנדערע דינסטמיידלעך. נו, געלאַנגווײַליקט זיך.. שפאַסט מען אַ ביסל...

— איך פאַרשטיי אײַך, מײַנע טײַערע. אָבער פון איצט אָן וועט איר זיך שוין נישט לאַנגווײַליקן...

— פון איצט אָן גייען מיר אַנטקעגן דעם טויט... — האָט האַרנאַ צוגעגעבן האַלב פאַרטראַכט.

— דו האָסט מורא, האַרנאַ? — האָט יאַשיאַ אַ פרעג געטאָן און אָנגעקוקט האַרנאַן.

ברונאָן האָט זי אויך פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט.

— וואָס קוקט איר אַלע אַזוי אויף מיר? — האָט האָרנאַ אַ שמייכל געטון, — איך האָב מורא? כאַ־כאַ־כאַ! איך טראַכט אַז איצט גייען מיר מיט פרײַד אַנטקעגן דעם טויט, מיט שטאָלץ אויפגעהויבענע קעפ קוקן מיר דעם פחד אין די אויגן אַרײַן! איך האָב געטראַכט אַז איצט וועט שוין נישט זײַן לאַנגווײַליק, ווײַל יעדע מינוט וועט זײַן אָנגעפילט מיט פרייד פון דערוואַרטונג, פון אויסלייזונג. איר ווייסט, חבר ברונאָן, דאָס זענען דאָך די גליקלעכסטע מינוטן אין מענטשלעכן לעבן ווען מ'קאָן זיך ברענגען אַ קרבן פאַר גרויסע מעשים. דעמאָלט פילט מען זיך אַזוי שטאָלץ!

זי האָט גערעדט מיט באַגײַסטערונג. איר געזיכט האָט זיך אָנגעצונדן מיט אַ פורפור רויטער קאָליר און די בלויע אויגן האָבן געקוקט ערגעץ אין דער ווײַטקייט. יאַשיאַ און לאַלעטשקאַ האָבן זי באַטראַכט שווײַגנדיקע, אויך ברונאָן האָט געשוויגן. אין גרויסן צימער האָט זיך געהערט בלויז דאָס איינטאָניקע קלאַפן פון וואַנטזייגער.

— יאָ, ברונאָן, איך פיל מיך שטאָלץ — האָט האָרנאַ איבערגעריסן די שטילקייט — וואָס אויף מײַן גורל איז אויסגעפאַלן נקמה צו נעמען פאַר די לײַדן פון אַזוי פיל קעמפערס וועלכע פײַניקן זיך אין די תפיסות. איך פיל מיך איבערגליקלעך וואָס איך וועל אַ סוף מאַכן צו דעם דאָזיקן אומווערדיקן לעבן וואָס הייסט סקאַלאָן. מיט פעסטע טריט וועל איך גיין צו דער תליה... איך ווייס דאָך, ברונאָן, ס'וועט שווער זײַן אויסצומײַדן דעם טויט, דאָס אַנטלויפן איז כמעט אַן אוממעגלעכע זאַך. איך וועל זײַן די לעצטע... מ'וועט דאָך מיך זיכער כאַפן... איך וועל שמייכלען, איך וועל שטאָלץ דערקלערן: יאָ, איך האָב דערהרגעט!

— מיר זענען אויך גרייט צו שטאַרבן, — האָבן דערקלערט לאַלעטשקאַ און יאַשיאַ, — מיר נעמען אַלץ אויף רויִק, קיין שום זאַך וועט אונדז נישט אָפשרעקן.

— פרעגן אײַך עפעס די שכנים? — האָט ברונאָן געפרעגט לאַלעטשקאַן.

— איך רעד בלויז מיט די דינסטמיידלעך, מיט וועלכע איך באַגעגן זיך אויפן הויף. זיי הייבן גאָרנישט אָן צו וויסן. איך דערצייל זיי כסדר אַז אין גיכן וועט קומען צו פאָרן נאָך אַ „מאַדאַם", אַ קרובה פון גראַף זאַמאָיסקי. זײַ גלייבן מיר און האָבן צו מיר צוטרוי. דער סטרוזש האָט אויך פאַר מיר דרך־ארץ, פאַרשטייט זיך צוליב מײַן „רײַכער מאַדאַם"...

ברונאָן איז אַוועק. די מיידלעך זענען געבליבן אַליין. האָרנאַ האָט געהייסן צושליסן די טיר פון פראָנט און פון דער קיך. דערנאָך האָט זי אַוועקגערוקט דאָס טישל פון דעם אָרט וווּ ס'זענען געלעגן די באָמבעס.

— מ'דאַרף זען צי זיי ליגן אין אָרדענונג, ס'קאָן אַ מאָל געשען אַן אומגליק, — האָט האָרנאַ דערקלערט — די באָמבעס קאָנען אויפרײַסן.

די מיידלעך האָבן פאָרזיכטיק אַרויסגעלייגט די באָמבעס אויפן טיש. לאַלעטשקאַ האָט זיי לײַכט געגלעט ווי עפעס אַ לעבעדיקע זאַך און שטיל געלאַכט.

— מ'דאַרף זיי לייגן אַזוי אַז מ'זאָל זיי לײַכט קאָנען אַרויסנעמען, — האָט האָרנאַ געזאָגט, — אין קעגנפאַל קאָנען מיר אַלץ פאַרשפעטיקן.

די באָמבעס זענען געוואָרן צוריק אַרײַנגעלייגט אין לאָך וואָס פירט צום קוימען. דאָס טישל מיט די זאַכן איז צוריק אַוועקגעשטעלט געוואָרן בײַ דער וואַנט און ס'איז גאָרנישט געווען צו דערקענען אַז דאָרט ליגט עפעס באַהאַלטן.

— ווען פאָליציי זאָל גוט זוכן, וואָלט זי געפינען, האַ? — האָט יאַשיאַ באַמערקט.

— פאַרשטייט זיך, — האָט האָרנאַ געענטפערט, — אָבער בײַ אַן איבערפלעכלעכער רעוויזיע וועט זי זיך נישט כאַפן. איך גלייב נישט אַז בײַ אונדז זאָל געמאַכט ווערן אַ רעוויזיע. מיר זענען דאָך אויסער יעדן חשד. מ'האַלט אונדז דאָך פאַר פולשטענדיק כשרע מענטשן, נישט אמת?

— אָבער די פאָליציי נישטערט דאָך הײַנט אומעטום, דו פאַרגעסט אַז ס'איז אויסנאַמס־צושטאַנד און דאָס לעבן פון די בירגער אין לאַנד איז הפקר. מיר קאָנען האָבן אַן איבערפאַל פון פאָליציי, ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, האָרנאַ.

— דאָס וואָלט געווען שרעקלעך! — האָט האָרנאַ אויסגערופן, — איך וואָלט געקעמפט, איך וואָלט מיך נישט אונטערגעגעבן.

— מיט וועמען וואָלסטו געקעמפט, האָרנאַ? — האָט לאַלעטשקאַ געפרעגט.

— וואָס הייסט, מיט וועמען? מיט דער פאָליציי! ווען איך וואָלט געזען אַז די פאָליציאַנטן האָבן געפאַקט דאָס באַהעלטעניש פון די באָמבעס, וואָלט איך אַרויסגעריסן איין באָמבע פון זייערע הענט און זי אַ שלײַדער געטון צו זייערע פיס. זאָלן זיי אויך פאַלן אין קאַמף, די דאָזיקע הינטישע קנעכט!

די מיידלעך האָבן זיך געלייגט שלאָפן. אָבער קיינער פון זיי האָט נישט געקאָנט אײַנשלאָפן. דער געדאַנק וועגן מאָרגנדיקן טאָג, וועגן דעם אַז מאָרגן קאָן שוין סקאַלאָן אָפשטאַטן דעם געצוווּנגענעם וויזיט דעם דײַטשן וויצעקאָנסול, האָט די מיידלעך נישט געלאָזט צומאַכן קיין אויג. באַזונדערס וואַך איז געווען האָרנאַ. זי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אין דער געדיכטער פינצטערניש וואָס האָט געהערשט אין צימער.

דער זייגער איז שוין געווען צוויי בײַ נאַכט. אויף דער גאַס האָט זיך דערהערט אַ הילכיק טופעריי פון אַ סך פערדישע קאָפיטעס. האָרנאַ האָט זיך אינסטינקטיוו אַ ריס געטון פון איר געלעגער. אויך יאַשיאַ האָט זיך אויפגעזעצט און אַ פרעג געטון:

— האָרנאַ, וואָס קאָן דאָס זײַן?

— דאָס פליען קאָזאַקן אין דער זײַט פון בעלוועדער, האָט האָרנאַ געענטפערט, — דאָס גרייט מען זיך צו אוודאי, די שמירה פאַרן אַרויספאָר פון גענעראַל־גובערנאַטאָר.

— וועט עס טאַקע געשען מאָרגן? — האָט יאַשיאַ שטיל געפרעגט.

— איך גלייב אַז יאָ, — האָט האָרנאַ געענטפערט, — ווי מיינסטו, יאַשיאַ, שלאָפט איצט סקאַלאָן? — פילט ער פאַר וואָס אים דערוואַרט פון אונדז?

— ער שלאָפט זיכער געשמאַק, דער תלין, — האָט יאַשיאַ געענטפערט.

אין פיבערהאַפטער דערוואַרטונג

צו מאָרגנס, דינסטיק, זענען יאַשיאַ און לאַלעטשקאַ כסדר געשטאַנען בײַ די פענצטער אויף דער זײַט פון נאַטאָלינסקע און געפלירטעוועט מיט די לאָקאַטאָרן פון אַנטקעגנאיבער. דאָס זענען געווען מערסטן טייל רײַכע זינדלעך, שילערס פון קאַדעטן־קאָרפוס, וועלכע האָבן מיט לײַדיקגייערישער הנאה אַריבער געשמייכלט צו די צוויי מיידלעך, געשיקט צו זיי לופטקושן און זיך איבערגעשמועסט מיט האַנט־באַוועגונגען.

לאַלעטשקאַ האָט האַרציק געלאַכט און געזאָגט צו האָרנאַן, וועלכע איז געזעסן אין אַ זײַט פון פענצטער:

— שטעל דיר פאָר ווי די דאָזיקע חברה־לײַט פון אַנטקעגנאיבער וועלן דאָס עפענען אַ פאָר אויגן ווען זיי וועלן זיך דערוויסן אַז מיר, שמייכלענדיקע, פלירטעווענדיקע מיידלעך זענען געווען אַזעלכע געפערלעכע טעראָריסטקעס! כאַ־כאַכאַ! — האָט זי זיך צעלאַכט און שאָקלענדיק מיטן קאָפ, געפרעגט די שכנים פון אַנטקעגנאיבער: יאָ? יאָ? ס'איז אמת? כאַ־כאַ־כאַ!

יענע האָבן אויך געענטפערט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפ, זײַענדיק זיכער אַז דער דאָזיקער „יאָ" האָט אַ שײַכות צום פלירט.

— די דאָזיקע, רײַכע, ליידיקגייערישע חברה וועט זיך גאָרנישט קענען צוגלייבן אַז די זעלבע מיידלעך וועלכע האָבן צו זיי אַזוי ליבלעך און קאָקעטיש געשמייכלט, האָבן עס מכבד געווען סקאַלאָנען מיט אַזאַ היפשער פאָרציע דינאַמיט, — האָט האָרנאַ אויך געלאַכט, — דאָס וועט זיכער באַשווערן די אויספאָרשונג, אויב אונדז זאָל געלונגען צו אַנטלויפן. מ'וועט דאָך זיי אויספרעגן אַלס עדות, וועלן זיי זיכער הייבן מיט די פלייצעס און שטוינען: „אָט יענע מיידלעך זאָלן האָבן געוואָרפן די באָמבעס?! ניין, מיר קאָנען זיך עס גאָרנישט צוגלייבן!״

אַ גאַנצן טאָג זענען די מיידלעך געשטאַנען בײַם פענצטער. בעת מיטאָג־עסן זענען זיי, בײַם מינדסטן שאָרך אין דרויסן, צוגעלאָפן צו דער פאָרהאַנג. ס'איז פאַרבײַ אַ שעה נאָך אַ שעה אין געוואַלדיקער, אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג. סקאַלאָנס קאַרעטע האָט זיך נישט באַוויזן. בלויז צוויי מאָל האָט בײַ האָרנאַן האַסטיק אַ קלאַפ געטון דאָס האַרץ. דאָס זענען צוויי דראָזשקעס אַרײַנגעפאָרן אין דער נאַטאָלינסקע, פירנדיק פריוואַטע פאַסאַזשירן.

— אַז סקאַלאָן וועט פאָרן, וועט מען הערן אַ פיל שטאַרקערע טופעריַי, — האָט יאָאַשיאַ באַמערקט, — אים וועלן דאָך אַרומרינגלען אַ צוויי צענדליק טשערקעסן און קאָזאַקן.

פאַר נאַכט איז געקומען ברונאָ און האָט דערקלערט אַז די קאַמפס־אָרגאַניזאַציע גרייט זיך אויף מאָרגן דורכצופירן אַ פאָגראָם אויף פאָליציי און סאָלדאַטן. דאָס וועט, אפשר, סקאַלאָנען אָפהאַלטן אויף עטלעכע טעג פון באַזוכן דעם וויצעקאָנסול, אָבער לויט די שטימען פון דער פרעסע, וועט דער דאָזיקער וויזיט מוזן צושטאַנד קומען. סקאַלאָן וועט פערזענלעך מוזן איבערבעטן דעם קאָנסול.

ווידער איז אָנגעקומען דער אָוונט. די שטימונג איז געווען אַ שווערע. די דערוואַרטונג האָט געווירקט ווי אַ קאָשמאַר. בײַ האָרנאַן איז אַנטשטאַנען אַ געדאַנק: טאָמער וועט סקאַלאָן, נישט קוקנדיק אויף אַלע פאַרזיכערונגען פון ברונאָנען, פאָרט נישט באַזוכן דעם וויצעקאָנסול? און זי האָט באַשלאָסן בײַ זיך: טאָמער וועט עס טאַקע אַזוי געשען, וועט זי אויף אייגענער האַנט דערהרגענען דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר, זי וועט נישט רוען ביז וואַנען דער תלין פון טויזנטער קעמפערס און העלדן וועט נישט ליגן אַ טויטער לעבן אירע פיס!...

און די מיידלעך האָבן ווידער פאַרבראַכט אַן אומרויִקע שלאָפלאָזע נאַכט.

— הײַנט איז שוין דער פופצנטער אויגוסט, — האָט לאָלעטשקאַ באַמערקט, ווען די מיידלעך זענען אין דער פרי אויפגעשטאַנען פון שלאָף, — מיר וווינען שוין דאָ צוויי וואָכן.

ס'איז געווען דער טאָג פון בלוטיקן מיטוואָך. אין דעם דאָזיקן טאָג האָבן די דרײַ מיידלעך איבערגעלעבט שווערע מאָמענטן. די שיסערײַען וועלכע האָבן זיך צו זיי דערטראָגן פון דרויסן האָבן געמאַכט אויפציטערן זייער גאַנצן נערוון־סיסטעם. נישט האָבנדיק קיין גענויע ידיעות וואָס אין דרויסן קומט פאָר, זײַענדיק אײַנגעשלאָסן אין דער דאָזיקער איינזאַמקייט פון די פינף גרויסע צימערן און הערנדיק די געדיכטע שיסערײַ אויף די גאַסן, זענען די מיידלעך זיכער געווען אַז אין שטאָט קומט פאָר אַן אָפענער אויפשטאַנד.

— אפשר איז איצט גאָר נייטיק אַרויסצוגיין אין קאַמף אויף די גאַסן, — האָט האָרנאַ באַמערקט, — ס'וואָלט, אפשר, געווען אַ פלאַן צו נעמען מיט זיך די באָמבעס און זיך לאָזן אין דעם בלוטיקן געראַנגל? הערט נאָר די קאַנאָנאַדע פון ביקסן!

וואָס קומט פאָר אין דרויסן? ווער האָט די איבערמאַכט אין קאַמף? — די דאָזיקע פראַגעס האָבן כסדר געמאַטערט.

יאָאַשיאַ האָט פאָרגעלייגט אַז מ'זאָל אַרויסגיין אין גאַס מיט די באָמבעס. — לויט אַלע סימנים איז אויסגעבראָכן אַ רעוואָלוציע, — האָט זי געטענהט, — די קאַנאָנאַדע פאַרשטאַרקט זיך פון מינוט צו מינוט. — פון די קאָשאַרן אויף נאָוואָוויעיסקע פליִען כסדר קאָזאַקן. הערט נאָר דעם רעש פון דער טופעריַי פון די פערדישע פאָדקאָוועס.

אָבער האָרנאַ האָט דערקלערט:

— מיר מוזן אָפהיטן אונדזער פאָסטן. מיר זענען איצט וואַכסאָלדאַטן אויפן פאָסטן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף און מיר טאָרן פריער נישט פאַרלאָזן דאָס דאָזיקע אָרט ביז וואַנען מען וועט אונדז נישט אָפרופן!

— אָבער אפשר נייטיקט מען זיך דאָרט אין אונדזערע באָמבעס? — האָט לאָלעטשקאַ געזאָגט.

האָרנאַ און יאָאַשיאַ האָבן געשמייכלט פון לאָלעטשקעס האַרציקער נאַיִוויטעט.

— עס גייט נישט אין די באָמבעס, לאָלעטשקאַ, — האָט האָרנאַ באַמערקט, — עס גייט אין דעם וואָס עס איז שווער דאָ אײַנצוזיצן אויפן אָרט, ווען דו ווייסט אַז אין דרויסן גייט אַ בלוטיקער קאַמף מיט אונדזער געפערלעכן שונא.

אין אָוונט האָט די שיסערײַ אַ ביסל אויפגעהערט. לאָלעטשקאַ איז אַראָפ צום סטרוזש געוואויר צו ווערן וועגן פרטים פון די געשעעניש. ער האָט בלויז דערציילט אַז די סאָלדאַטן מאָרדן און פאָליציי מאַכט אָן אַ שיעור רעוויזיעס. מען נישטערט אין דער גאַנצער שטאָט.

האָרנאַ איז געווען צום שטאַרקסטן באַאומרויִקט פון דער דאָזיקער ידיעה. ווען פאָליציי זאָל איצט קומען, וואָלט זי זיכער געמאַכט אַ גענויע רעוויזיע און געפונען די באָמבעס. סקאַלאָן וואָלט געווען געראַטעוועט! דאָס איז פאַר האָרנאַן דאָס שרעקלעכסטע. ווען זי דערמאָנט זיך אָן די דערציילונגען פון די חברים וועלכע מ'האָט געפײַניקט אין תפיסה אויפן באַפעל פון דעם דאָזיקן אכזר פון בעלוועדער, ווען זי דערמאָנט זיך אָן דעם נדר וואָס זי האָט זיך געגעבן — סקאַלאָנען אָפצורוימען, גייט איר אַדורך אַ שוידער איבערן לײַב: ״צוליב דער רעוויזיע קאָן זײַן לעבן דאָך געראַטעוועט ווערן!״

יעדער באַוועגונג אין טויער, דער מינדסטער שאָרך אויף די שטיגן, יעדער הויך וואָרט וואָס איז דערגאַנגען פון הויף, האָט געמאַכט אויפציטערן די נערוון און דאָס האַרץ אָנגעהויבן האַסטיקער צו קלאַפן.

האָרנאַ און יאָאַשיאַ זענען געשטאַנען אָנגעשפאַרט אָן טישל וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם באַהעלטעניש פון די באָמבעס. זייערע פנימער זענען געווען ערנסט און פאַרטראַכט.

— ווי נאָר זיי וועלן אַרײַנקומען, וועל איך שליידערן אויף זיי אַ באָמבע! — האָט לאָלעטשקאַ דערקלערט האַלב ערנסט, האַלב אין וויץ, וועלנדיק צעשטרײַען די שווערע שטימונג.

— שטילער, רעד נישט אַזוי הויך! — האָט האָרנאַ געמאַכט אויפמערקזאַם, — אפשר ווערן מיר שפיאָנירט.

יאָאַשיאַ האָט אַ ווײַז געטון מיט דער האַנט אויף דעם באַהעלטעניש אין דער וואַנט און אַ זאָג געטון:

— דאָרט ליגט דער שכר פאַר אונדזערע ליידן! האָרנאַ, מיר וועלן נאָך האָבן דאָס גליק צו זען ווי סקאַלאָן ווערט צעשמעטערט אויף שטיקלעך! אָ, ווי שטאַרק עס וועלן קלאַפן די הערצער פון די טויזנטער אַרעסטירטע אין די תפיסות! זאָרג נישט, מיר וועלן אויסהאַלטן!

שפעט אין אָוונט האָט די שיסערײַ אויפגעהערט. אויף דער גאַס איז געווען שטיל. האָרנאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ דער פיאַנע און אין מעכטיקע אַקאָרדן אויסגעשפילט שאָפענס אַ מאַזורקע. מ'האָט מיט עפעס געדאַרפט צערײַסן די קאָשמאַרנע שטילקייט וואָס האָט געהערשט אין דער דירה. לאָלעטשקאַ האָט געטאַנצט און מיטגעריסן מיט זיך יאָאַשיאַן.

— מיט אונדז איז די פרייד, מיט אונדז איז דער גלויבן, — האָט לאָלעטשקאַ געמונטערט, — פאַר וואָס זאָלן מיר זײַן אַזוי ערנסט? שפיל, האָרנאַ, שטאַרקער, אָט אַזוי — מאָרגן פאַלט דער תלין, מאָרגן שטאַרבט סקאַלאָן... — האָט זי צוגעזונגען צום טאַקט פון דער מוזיק.

די שטימונג איז געוואָרן הייטערער. האָרנאַ האָט געשפילט און לאָלעטשקאַ האָט משמח געווען אירע חברטעס מיט וויצן, שטיפערײַען און טענץ.

— מיר זענען איצט שטאַרקער פון אַ גאַנצן באַטאַליאָן סאָלדאַטן, — האָט זי זיך געוויצלט, — מיט אונדזערע פיר באָמבעס קאָנען מיר זיי צעטרייבן!

זיי האָבן פאַרברענגט אַזוי ביז איינס אַ זייגער בײַ נאַכט. אָבער אויך אין דער דאָזיקער נאַכט איז שווער געווען צו שלאָפן. האָרנאַ האָט זיך אַלע ווײַל אויפגעריסן פון געלעגער, ס'האָט זיך איר געדוכט אַז פּאָליציי גייט אויף די שטיגן, אַז מ'קלאַפּט אין דער טיר. זי האָט געוועקט יאָאַשיאַן.

— דו הערסט, יאָאַשיאַ?

— וואָס, האָרנאַ?

— דוכט זיך טריט אויף די שטיגן...

— דאָס איז דער סובלאָקאַטאָר פון צווייטן שטאָק, ער קומט אַלע נאַכט אַהיים אַזוי שפּעט...

בײַ יעדן שאָרך האָט זיך האָרנאַ ווידער אויפגעריסן פון געלעגער...

אַכט אַ זייגער אין דער פרי האָט מען לײַכט אָנגעקלונגען אין דער טיר. די מיידלעך, וועלכע זענען נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָבן זיך פרעגנדיק איבערגעקוקט. לאָלעטשקאַ האָט דערקלערט:

דאָס איז זיכער ברונאָן, ס'איז זײַן קלונג, פון אים וועלן מיר זיך איצט דערוויסן נײַעס.

ס'איז טאַקע געווען ברונאָן. ער האָט דערציילט וועגן די שווערלעכקייטן פון נעכטיקן טאָג, ער האָט איבערגעגעבן אַז אין שטאָט ווערן געמאַכט אַ מאַסע רעוויזיעס און אַרעסטן.

— מ'דאַרף דעריבער איצט אָנווענדן די גרעסטע מאָס פון פאָרזיכטיקייט, — האָט ברונאָן געמאַכט אויפמערקזאַם, — איז בײַ אײַך אַלץ אין אָרדענונג?

ער האָט דורכגעקוקט די גאַנצע וווינונג, באַטראַכט יעדן ווינקל, יעדע קלייניקייט, און דער עיקר אַכט געלייגט אויף די מעגלעכקייט פון אַנטלויפן. ס'איז באַשטימט געווען אַז נאָכן וואַרפן די באָמבעס דאַרפן די מיידלעך אַנטלויפן דורך דער קיכטיר און ער האָט דעריבער באַזײַטיקט פון וועג וואָס פירט צו דער דאָזיקער טיר אַלע זאַכן וואָס וואָלטן געקאָנט זײַן אַ שטערונג אויפן וועג.

— יעדע סעקונדע וועט שפּילן אַ ראָל בײַם אַנטלויפן — האָט ער דערקלערט, — דאָס מינדסטע פאַרהאַלטן זיך קאָן זײַן געפערלעך.

אַלע טישלעך, שטולען און אַנדער מעבל וואָס האָבן זיך געפונען אויפן וועג פון די פענצטער ביז צו דער טיר, זענען דורך ברונאָנען באַזײַטיקט געוואָרן.

— הײַנט וועט ער זיכער דורכפאָרן, זײַט גרייט, מײַנע טײַערע! — האָט ער געזאָגט בײַם אַוועקגיין.

לאָלעטשקאַ און יאָאַשיאַ האָבן זיך אַוועקגעשטעלט בײַם פענצטער און ווײַטער גענומען פלירטעווען מיט די לאָקאַטאָרן פון די אַנטקעגנאיבערדיקע פענצטער. האָרנאַ איז געזעסן אין פיבערהאַפטער דערוואַרטונג. ווי נאָר זי האָט דערהערט אַ ווײַטן אָפּהילך פון אַ טופּעריי פון פערדישע קאָפּיטעס, איז זי שוין אויפגעשפרונגען פון אָרט. ס'איז אָבער געווען אַ געוויינלעכע דראָזשקע.

די שעהען האָבן זיך געצויגן, די נערוון זענען געווען אָנגעשטרענגט ביז דער העכסטער מדרגה. לאָלעטשקאַ און יאָאַשיאַ האָבן אויפגעהערט דעם פלירט און זענען געשטאַנען הינטער די פאַרצויגענע פאָרהאַנגען און געוואַרט מיט קלאַפּנדיקע הערצער.

די פענצטער זענען געווען אָפן, אַ וואַרעם ווינטל האָט אַרײַנגעבלאָזן אין צימער און געוויגט הין און צוריק די פאָרהאַנגען. די מיידלעך זענען געשטאַנען און אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם. ווי נאָר ס'האָט זיך דערהערט אַ טופּעריי פון פאָדקאָוועס, זענען זיי אויפגעשפרונגען פון די ערטער און זיך געגרייט אַרויסצונעמען די באָמבעס.

אָבער סקאַלאָן האָט זיך נישט באַוויזן. דער טאָג איז פאַרבײַ. פאַר נאַכט האָט יאָאַשיאַ געזאָגט מיט אַן אומעטיקער שטים:

— אפשר וועט ער שוין נישט פאַרבײַפאָרן... ווער ווייסט?

— פאַר וואָס מיינסטו אַזוי? — האָט האָרנאַ דערשראָקן געפרעגט, — ער מוז דאָך קומען איבערבעטן דעם קאָנסול.

— אפשר וועט ער פאָרן צום באַראָן אין דער ביוראָ, — האָט יאָאַשיאַ געענטפערט, — סקאַלאָן האָט דאָך אַ ברירה אָפּצושטאַטן דעם וויזיט אויף דער יאַסנע־גאַס, ווו דער קאָנסול אַמטירט.

— דאָס איז אויסגעשלאָסן! — האָט האָרנאַ אויסגערופן, — לויט ווי די אויסלענדישע צײַטונגען שרײַבן וועט סקאַלאָן באַזוכן דעם וויצעקאָנסול אין דער וווינונג.

אָבער אין האָרנאַס האַרץ האָט זיך אויך אַרײַנגעגנבעט אַ געפיל פון ספקות: אפשר טאַקע וועט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר זיך מיישב זײַן און פאָרן אין דער ביוראָ פון קאָנסול אויף יאַסנע.

ס'איז ווידער אָנגעקומען דער אָוונט. די כסדרדיקע פיבערהאַפטע דערוואַרטונג האָט די יונגע מיידלעך אַרײַנגעברענגט אין אַ צושטאַנד פון דעפּרעסיע. זיי זענען אַרומגעגאַנגען איבער די גרויסע צימערן און געשוויגן. די הענט האָבן אָנגעהויבן אַראָפּצופאַלן, ס'האָט זיך געדוכט אַז די גאַנצע אַרבעט און די גאַנצע אָנשטרענגונג איז אַן אַרויסגעוואָרפענע און אומזיסטע.

— דאָס האַרץ זאָגט מיר אַז הײַנט וועט זיך דער העכט באַווײַזן, — האָט דערקלערט לאָלעטשקאַ שטייענדיק בײַם פענצטער. — מ'קאָן גאַנץ דרייסט אַרויסנעמען די באָמבעס און צוגרייטן זיי אויפן פענצטער!

— ס'איז נאָך צײַט, אַזוי פרי וועט ער נישט פאַרבײַפאָרן, — האָט האָרנאַ באַמערקט.

דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער, אַ הייסער. די מיידלעך האָבן ווידער אויפגעציטערט בײַ יעדער טופּעריי, זענען געלאָפן צו די פענצטער, שווער געאָטעמט און די אויגן האָבן זיך פאַר אויפרעגונג ברייט אויפגעעפנט און דורך די דורכזיכטיקע פאָרהאַנגען אַראָפּגעקוקט אויף דער גאַס.

— נישטאָ! — האָט האָרנאַ אַרויסגערעדט מיט אַ זיפץ.

— ער וועט הײַנט נישט אַדורכפאָרן, — האָט יאָאַשיאַ שטיל געזאָגט, ווי צו זיך.

די פענצטערשויבן פון די הײַזער האָבן זיך העל צעגליט אין די שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון, פאַרנאַכטיקע שאָטנס האָבן זיך אַרײַנגעשלייכט אין צימער. נאָך אַ טאָג איז פאַרשוווּנדן. די פאַרצווייפלונג איז געוואַקסן. האָרנאַ איז געווען זיכער אַז די גאַנצע אַקציע איז פאַרשפּילט. זי האָט מורא געהאַט דעם געדאַנק אַרויסצוזאָגן הויך אויפן קול. אָבער יאָאַשיאַ האָט אָפן דערקלערט:

— דער חברה־מאַן לאָזט זיך נישט אַרויסנאַרן. איך גלייב שוין נישט אַז סקאַלאָן זאָל קומען צום קאָנסול.

אַרום נײַן אַ זייגער איז אָנגעקומען ברונאָן.

— חבר ברונאָן, דוכט זיך אַז פון אונדזער גאַנצער מי וועט גאָרנישט ווערן, — האָט האָרנאַ אים באַגעגנט מיט די דאָזיקע ווערטער אין וועלכער ס'איז געווען סײַ פאַרצווייפלונג, סײַ פאָרוווּרף.

ברונאָן האָט זיך אויך געפילט ווי שולדיק. טיף אין האַרצן האָט ער שוין געצווייפלט צי זײַן גאַנצער פּלאַן פון אַרויסנאַרן סקאַלאָנען אויף דער נאַטאָלינסקע־גאַס וועט זיך אײַנגעבן. ער האָט זיך אָבער באַהערשט און אַרויסגעוויזן מונטערקייט און זיכערקייט.

— אָ, האָרנאַ, — האָט ער גערעדט צו איר מיט אַ טאָן פון שטראָפרייד, — מען טאָר נישט זײַן אַזוי אומגעדולדיק! אַ רעוואָלוציאָנער מוז האָבן געדולד, אַ רעוואָלוציאָנער מוז פאַרמאָגן אויסדויער און אַ פעסטן ווילן.

— אָבער, חבר ברונאָן, איר ווייסט נישט ווי דאָס דאָזיקע וואַרטן דענערווירט, — האָט זיך אָנגערופן יאָאַשיאַ, — דאָס כסדר־דיקע שטיין בייַם פענצטער און האָרכן, — אָ, די נערוון ווערן שיר נישט צעשפרונגען!

— איך פאַרשטיי אייַך אויסגעצייכנט, — האָט ברונאָן זיי גענומען באַרויִקן, — אָבער איך פאַרזיכער אייַך אַז סקאַלאָן וועט מוזן באַזוכן דעם וויצעקאָנסול. דער ענין איז דאָך נישט קיין פשוטער, ער וואַנדערט דאָך דורך פעטערבורג און בערלין, מיט אים פאַרנעמען זיך דיפלאָמאַטן. די דייַטשן ווייסן גאָרנישט אַז זיי אַליין שיקן דעם צאַרישן גענעראַל־גובערנאַטאָר אין אונדזערע הענט אַרייַן! דאָס איז באמת פייַן. דער קייזער ווילהעלם מיט זייַן פאָדערן סאַטיספאַקציע וועט אומדירעקט זייַן שולדיק אין סקאַלאָנס טויט. כאַ־כאַ־כאַ!

ברונאָן איז לאַנג געזעסן אין דער געזעלשאַפט פון די מיידלעך און זיך באַמיט צו ענדערן זייער נידערגעשלאָגענע שטימונג. ער האָט זיי דערציילט פאַרשידענע קוריאָזן פון פאָליטישן קאַמף, ווי אַזוי מען נאַרט אָפ די פאָליציי, ווי אַזוי אַרעסטאַנטן גנבענען זיך אַרויס פון תפיסה. ער האָט אויך ווייַטער געגעבן אָנווייַזונגען ווי אַזוי אויסצופירן דעם אַטנטאַט:

ווען איר וועט אַרויסלויפן פון שטוב און אַראָפלויפן פון די שטיגן, זאָלט איר פאַרברעכן מיט די הענט און אַרויסווייַזן אַז איר זענט מכלומרשט שטאַרק גערירט פון דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען. די „קעכין" יאָאַשיאַ און די דינסט לאָלעטשקאַ דאַרפן קלאָגן אויפן קול און שרייַען מיט אַ פויערישער אויסשפראַך: „אוי, גאָט, גאָט, וואָס איז דאָ געשען? וויי, וויי!" איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין אַז אַ סך מענטשן אין הויף און אויך אויף דער גאַס וועלן אויך זייַן אין דער זעלבער דערשראָקענער, פאַרצווייפלטער שטימונג, און אייַער פאַרצווייפלונג און מכלומרשט פאַרברעכן מיט די הענט וועט אָפווענדן פון אייַך יעדן חשד. אַזאַ אַלגעמיינע שטימונג פאַראייניקט מענטשן און פאַרלייַכטערט אויסגעצייכנט די שווערע לאַגע פון אַנטלויפנדיקן.

ברונאָן האָט אַרויסגעוויזן אַ גלענצנדיקע קענטעניש פון דער מענטשלעכער נשמה. אין דער גאַנצער אַקציע איז דאָס צום וויכטיקסטן נייטיק געווען. דאָס ראַטעווען זיך פון די מיידלעך האָט ער אָפהענגיק געמאַכט פון פסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן אין מאָמענט פון אַנטלויפן. וועלן זיך די אַנטלויפנדיקע באַמיען אויסצודריקן די זעלבע דערשראָקענע, פאַרצווייפלטע שטימונגען וואָס די מענטשן אויפן הויף און אויף דער גאַס — זענען זיי געראַטעוועט!

דער איצטיקער שמועס מיט ברונאָן האָט די מיידלעך אויפגעהייטערט. זייַן אופן פון דערציילן, די עצות און אָנווייַזונגען וואָס ער האָט געגעבן, זייַן גאַנצע וואַרעמע האַלטונג האָבן אויף זייערע נידערגעשלאָגענע געמיטער געווירקט ווי טוי אויף איינגעטריקנטע בלומען. זיי זענען פול געוואָרן מיט האָפענונג און האָבן זיך געגרייט מיט פרייד צום מאָרגנדיקן טאָג.

אין דער דאָזיקער נאַכט זענען זיי אַלע געשמאַק געשלאָפן. זיי האָבן שוין נישט אויפגעציטערט בייַ יעדן שאָרך ווי אין די פריערדיקע נעכט. ברונאָן האָט זיי צוגעגעבן מוט און גלויבן.

סקאַלאָנס אַרויספאָר

שבת, דעם 18טן אויגוסט.

ווען די מיידלעך האָבן זיך אויפגעכאַפט, האָט אַרייַנגעקוקט אין די פענצטער אַ גרויער, רעגנדיקער פרימאָרגן. ס'האָט זיך געוואָלט אַז די זון זאָל ווי נעכטן אַרייַנשמייכלען אין פענצטער. דאָס שלעכטע וועטער, דער בלייַערנער הימל האָבן זיך שווער געלייגט אויפן האַרצן. דער גלויבן האָט ווידער זיך אָנגעהויבן צו וואַקלען, די שטימונג איז ווידער געוואָרן אַ נידערגעשלאָגענע.

וועט ער הייַנט אַדורכפאָרן? — האָט געהאַמערט אין קאָפ אַ פראַגע.

די שעהען האָבן זיך גענומען ציִען ווי אייביקייטן. ס'האָט זיך געדוכט אַז דער טאָג וועט זיך שוין קיין מאָל נישט ענדיקן און וועט זיך ציִען אָן אַ סוף, אָן אַן ענדע.

לאָלעטשקאַ און יאָאַשיאַ האָבן זיך פאַרנומען מיטן אָפקאָכן דאָס מיטאָג. האָרנאַ האָט געוואַכט בייַם פענצטער. דער רעגן האָט געשפריצט אויף די שויבן, געפויקט אַזוי איינטאָניק און אומעטיק. האָרנאַן האָט אַרומגעכאַפט אַ געפיל פון אַ מאָדנער בענקשאַפט. טרערן האָבן זיך איר אַזש געשטעלט אין די אויגן. וועט גאָרנישט ווערן פון דער גאַנצער צוגרייטונג, פון דעם גאַנצן פלאַן? אָ, ווי דאָס וואָלט געווען שרעקלעך!

דרייַ בייַ טאָג האָבן די מיידלעך געגעסן מיטאָג. זיי זענען געזעסן ביים טיש און זיך איינגעהאָרכט צו דעם מינדסטן שאָרך אין דרויסן. שטיל! קיין שום קלאַנג! בלויז דאָס איינטאָניקע פויקן פון רעגן אויף דער בלעך פון פענצטער.

נאָכן עסן זענען אַלע דרייַ געבליבן זיצן אַ ווייַל אומבאַוועגלעך און שווייַגנדיק. אַ מאָדנע שטילקייט האָט געהערשט אין צימער. די מיידלעך זענען געזעסן פאַרטראַכט, ס'איז געווען שווער אויסצורעדן אַ וואָרט. וואָס וועט מען רעדן? אַז ס'איז שוין ווידער פאַרבייַ אַ טאָג מיט גאָרנישט?

און פלוצלינג — וואָס איז דאָס? האָרנאַ גיט אַ ציטער, יאָאַשיאַ קוקט זי אָן מיט אַ פרעגנדיקן בליק, לאָלעטשקאַ גיט נערוועז אַ וואָרף מיטן קאָפ.

— האַ? — פרעגט האָרנאַ.

אויף דער גאַס האָט זיך דערהערט אַ ווילדער גאַלאָפ פון אַ סך פערד.

די מיידלעך גיבן זיך אַ ריס פון די ערטער און לויפן אַלע צו צו די פענצטער. לאָלעטשקאַ כאַפט אָן האָרנאַן פאַרן קלייד:

— ס'איז ער! — קרעכצט זי שווער אַרויס.

יאָ, ס'איז טאַקע ער. האָרנאַ זעט ווי די קאַרעטע, געשפאַנט אין צוויי געזונטע, גרויסע פערד, פליט איבער דער גאַס און איז אַרומגערינגלט מיט אַן אָפטיילונג גאַלאָפירנדיקע טשערקעסן.

אַ קאַלטער ציטער גייט דורך איבער האָרנאַס גאַנצן קערפער. זי קאָן נישט אָפרייַסן דעם בליק פון דער גאַס, הגם די גאַלאָפירנדיקע טשערקעסן מיט דער קאַרעטע זענען שוין פאַרבייַגעפלויגן פאַרן פענצטער.

— ער וועט באַלד צוריקפאָרן! — האַמערט איר אין קאָפ, — נעמט אַרויס די באָמבעס! — זאָגט זי מיט אַ פאַרשטיקט קול, — די קליינע לייגט אויף די קישעלעך, די גרויסע — אויפן פענצטער! שנעלער! זאָלן אַלע טירן זייַן אָפן!

יאָאַשיאַ און לאָלעטשקאַ נעמען אַרויס די באָמבעס. זייערע הענט ציטערן, די הערצער וואַרפן זיך ווי פיש אין אַ נעץ.

— פאָרזיכטיק! איר קאָנט נאָך אַראָפלאָזן אַ באָמבע! ס'קאָן פאָרקומען אַן אויפרייַס! — רופט האָרנאַ אויס מיט אַ פאַרשטיקט קול.

זי וואַרפט שנעל אַרויף אויף זיך אַ ווייַס קלייד. אויב ס'וועט איר אויסקומען צו שטאַרבן, וויל זי אומקומען אין ווייַסן קלייד. זי טוט אָן דעם ברייטן קאַפעלוש, נעמט אַרויס דאָס פלעשעלע סם פון שופלאָד, זי וועט קיין לעבעדיקע אין האַנט פון שונא נישט אַרייַנפאַלן! זי לייגט דאָס פלעשעלע אין דער פאָדערשטער קעשענע...

די באָמבעס ליגן שוין אויף די פענצטער. בייַ איין פענצטער שטייט האָרנאַ, בייַם צווייטן — יאָאַשיאַ. זיי האַלטן קראַמפהאַפט די הענט אויף די מיט דינאַמיט אָנגעפילטע באָמבעס. אָ, ווי די הערצער שמעטערן!

האָרנאַ בייגט זיך אַרויס פון פענצטער אין דער זייַט פון דעם הויז וווּ עס וווינט דער וויצעקאָנסול. סקאַלאָן איז אויסגעשטיגן פון דער קאַרעטע. ער טראָגט אַ לאַנגן, ברייטן מאַנטל. די פערד פון די טשערקעסן דרייען ווילד מיט די קעפ, די הויכע טשערקעסישע היט־

לען זענען פאַררוקט אויף אַ זײַט, זעט אויס אַז די טשערקעסן זענען מיד. זיי האָבן שנעל גאַלאָפּירט כדי אָנצוּוואַרפן אַ שרעק אויף די פאַרבײַגייערס.

— מיר האָבן אים! — שעפּטשעט יאָאַשיאַ.

לאַלעטשקאַ לויפט שנעל אַראָפּ פון די טרעפּ.

האָרנאַ האַלט די הענט אויף דער באָמבע. ווען זי האָט זי אַ ביסל אויפגעהויבן, כדי זי צו האַלטן גרייט צום וואַרפן, האָט זי באַמערקט ווי אַ גרופּע נייגעריקע, וואָס איז געשטאַנען אין איינעם פון די אַנטקעגנאיבערדיקע טויערן, איז שנעל אַריינגעלאָפן אינעווייניק און פאַרהאַקט דאָס טויער.

אין דעם זעלבן מאָמענט האָט די קאַרעטע מיט סקאַלאָנען גענומען פאָרן צוריק.

האָרנאַן האָט פאַרפעלט אָטעם, די ליפּן האָבן געציטערט, אין האַלדז איז געוואָרן ענג, אינעווייניק, אין דער נשמה, האָט אַ שטים איינגערוימט:

— ווען די קאַרעטע וועט זיך אויסגלײַכן מיט דער לאַמטערנע... אָט מיט דער לאָמטערנע — דעמאָלט... אַ וואָרף טון...

די קאַרעטע איז איצט געפאָרן פּאַמעלעך. זעט אויס אַז סקאַלאָן איז שוין געווען זיכער אַז עס דראָט אים נישט קיין שום געפאַר. דער רעגן האָט שוין געהאַט אויפגעהערט, דעריבער איז די קאַרעטע געווען אָפן. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר איז געזעסן צוזאַמען מיט זײַן אַדיוטאַנט באַקוועם צעשפּרייט אין דער ברייטער קאַרעטע און האָט רויק זיך אַרומגעקוקט איבער די הײַזער און פענצטער.

ווען די קאַרעטע האָט זיך דערנענטערט צו דער לאָמטערנע, האָט סקאַלאָנס בליק זיך געטראָפן מיט די בליקן פון האָרנאַ און יאָאַשיאַ... ער האָט לײַכט אַ שמייכל געטון און געזאָגט צום אַדיוטאַנט:

— וואָס פאַר אַ שיינע פרײַלינס, נישט אמת?

דער אַדיוטאַנט האָט שוין נישט באַוויזן צו ענטפערן. עפּעס אַ זאַך איז געפלויגן פון דעם זעלבן פענצטער גלײַך אויף די פערד פון דער קאַרעטע. די טשערקעסן האָבן זיך אַ ריס געטון אויף צוריק מיט זייערע פערד, ס'איז אַריינגעטרעטן אַ סעקונדע פון אַ שרעקלעכער, פאַרגליווערטער שטילקייט. פאַר וואָס געדויערט עס אַזוי לאַנג?

אָט פאַלט נאָך אַ בלעכערנער פּושקע!

פּלוצלינג האָט אַדורכגעשניטן די שטילקייט אַ מוראַדיקער, באַטויבנדיקער קנאַל. אַ געדיכטער זײַל פון שטויב און רויך האָט איינגעהילט די גאַס. דאָס האָט אויפגעריסן די צווייטע באָמבע וואָס יאָאַשיאַ האָט אַראָפּגעוואָרפן.

האָרנאַס באָמבע האָט נישט אויפגעריסן. די דערשראָקענע פערד, דערפילנדיק, אַז מ'האָט זיי עפּעס געוואָרפן אונטער די פיס, האָבן מעכטיק אַ ריס געטון די קאַרעטע און יאָאַשיאַס באָמבע איז געפאַלן אַ צען טריט ווײַט פון דער קאַרעטע.

האָרנאַ האָט דערפילט, אַז ס'איז עפּעס נישט אין אָרדענונג, זי האָט שנעל געכאַפּט די קליינע באָמבעס און זיי אַראָפּגעוואָרפן איינע נאָך די אַנדערע. ווידער צוויי באַטויבנדיקע קנאַלן, ווידער אַ רויך.

— יאָאַשיאַ, דוכט זיך אַז ער איז אַרויס גאַנץ? — פאַרברעכט האָרנאַ די הענט.

— טו אויס דאָס קלייד, שנעלער! שרײַט יאָאַשיאַ — לאָמיר איצט נישט רעדן! לויפן, לויפן, שנעלער!

האָרנאַ רײַסט שנעל אַראָפּ פון זיך דאָס קלייד, וואַרפט אַרויף אויף זיך אַ מאַנטל. זי לויפט אַרויס אויף די טרעפּ. יאָאַשאַ לויפט פריִער, פאַרברעכט מיט די הענט און כליפּעט:

— ווי צו מיר! ווי צו מיר! גאָט אין הימל, וואָס איז דאָ געשען?

טירן עפענען זיך, שכנים לויפן אַרויס, איינער פרעגט ביי האָרנאַן וואָס ס'איז געשען, האָרנאַ איז בלאַס, זי קוקט יענעם אָן און פאַרברעכט די הענט:

— כ'ווייס אַליין נישט, אַ באָמבע... אויפגעריסן...

ביידע מיידלעך לויפן ווײַטער. זיי קומען אָן אין טויער. דאָרטן שטייען עטלעכע טשערקעסן וועלכע זענען פון שרעק אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן. די מיידלעך ציִען זיך אַ סעגונדע צוריק, אָבער אַן איבערמענטשלעכע, אומגעהייערע אינערלעכע קראַפט שטויסט זיי ווײַטער. זיי וויינען הויך אויפן קול און לויפן אַרויס אויף דער גאַס. די טשערקעסן זענען אַזוי איבערגעשראָקן פון דעם באָמבעס־געקנאַל אַז זיי קוקן אפילו נישט אויף די מיידלעך און לאָזן זיי אַדורך. אויף דער גאַס לויפן דערשראָקענע מענטשן. נישט ווײַט פון טויער שטייט אַ דראָזשקע.

— דאָס האָט ברונאָן זיכער צוגעגרייט, — בליצט אויף אין האָרנאַס קאָפּ אַ געדאַנק.

ביידע מיידלעך זעצן זיך אַריין אין דער דראָזשקע. יאָאַשיאַ וויל זאָגן ווו דער דראָזשקאַזש זאָל פאָרן, אָבער ס'פאַרפעלט איר אָטעם. דער דראָזשקאַזש וואַרט נישט, ער גיט אַ שמיץ דעם פערד און ווען די דראָזשקע נעמט פאָרן, גיט האָרנאַ אַ ציטער און כאַפּט אָן יאָאַשיאַן בײַ דער האַנט.

— זע, ער לעבט, ער איז גאַנץ, אָ! — שעפּטשעט זי.

ס'פאָרט פאַרבײַ סקאַלאָנס קאַרעטע. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר איז בלאַס, אָבער ער איז אַרויס גאַנץ. האָרנאַס ערשטע באָמבע האָט נישט אויפגעריסן, בלויז עטלעכע טשערקעסן זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן און אַ פערד איז געפאַלן טויט.

ער פאָרט פאַרבײַ, האַרט פאַר דער דראָזשקע... אַ טשערקעס באַפעלט דעם דראָזשקאַזש צו פאָרן אָן אַ זייט. האָרנאַ דרייט אויס דאָס געזיכט. יאָאַשיאַ בייסט זיך די פינגער פאַר אויפרעגונג.

— אַרויסגעוואָרפן אונדזער מי, אונדזערע שלאָפלאָזע נעכט, — שעפּטשעט זי שטיל.

— שרעקלעך! — גראָבט זיך האָרנאַ איין מיט איר געזיכט אין די הענט. — הער נאָר ווי די סאָלדאַטן באַגעגענען אים מוט אַ הוראַ! דער תלין לעבט!

אַ ספּאַסמאַטיש געוויין כאַפּט זי אָן. יאָאַשיאַ ווישט איר די טרערן און באַרויִקט זי. אָבער האָרנאַ שלוכצט ווײַטער און אירע אַקסלען צוקן נערוועיִש: — אָ, ער לעבט דאָך, דאָס איז שרעקלעך! דער תלין לעבט ווײַטער!

האָרנאַ איז שפּעטער געוואָרן די פרוי פון פאַרמלחמהדיקן באַקאַנטן פוילישן פּאָליטיקער טיטוס פיליפּאָוויטש.

(פאַרלאַג „גראָשן־ביבליאָטעק" וואַרשע 1931)

יוסף סאַנדעל (וואַרשע)

מאַוריצי טרעמבאַטש

דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט פאַרמאָגט צווישן זיינע רייכע מאַטעריאַלן אויך אויטענטישע דאָקומענטן וועגן לעבן און שאַפן פון באַקאַנטע יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקער. דאָס איז אַ וויכטיקער צושטייער פאַר אַן אָביעקטיווער פאָרשונג נישט בלויז וועגן שאַפן פון באַזונדערע קינסטלער, נאָר זיי גיבן אונדז אויך אַ טיפן אַריינבליק אין די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן פון דער דאָזיקער תקופה. אַזאַ אינפאָרמאַטיווער קוואַל איז דער אָפּגעראַטעוועטער פּערזענלעכער אַלבום פון נעסטאָר פון די יידישע קינסטלער אין פּוילן, מאַוריצי טרעמבאַטש. דער אַלבום איז געפונען געוואָרן אין לאָדזש נאָך דער באַפרייאונג. דער אַלבום שליסט איין 130 רעפּראָדוקציעס פון טרעמבאַטשעס שאַפונגען, בפרט פון זיין ערשטן שאַפונג־פּעריאָד. צווישן זיי זענען פאַראַן אַ סך בילדער וועלכע זענען רעפּראָדוצירט געוואָרן אין צייטונגען און זשורנאַלן. אינעם אַלבום זענען אויך פאַראַן אַ סך צייטונג־אויסשניטן מיט אָפּשאַצונגען וועגן דעם קינסטלער, ס'רוב אין דייטש און פּויליש, צוויי אין יידיש און איינע — אין רוסיש. אַ סך פון די אויסשניטן פון אַלבום זענען שטאַרק פאַרגעלטע בלעטער און שטאַמען פון די 80־90ער יאָרן. די אויסשניטן נעמען אַרום אַ גרויסן צייטאָפּשניט פון די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט ביז דעם יאָר 1926. די אויסשניטן גיבן אָפּשאַצונגען און צווישן זיי איז אויך פאַראַן אַן אַרטיקל לכבוד דעם 65טן געבוירן־טאָג פונעם קינסטלער, וואָס איז אויסגעפאַלן אין יאָר 1926. די מאַטעריאַלן פונעם אַלבום בכלל נעמען אַרום אַ נאָך ברייטערן צייטאָפּשניט, ווייל זיי דערגייען ביזן לעצטן עטאַפּ פון טרעמבאַטשעס לעבן אין לאָדזשער געטאָ וואו ער איז געשטאָרבן. אַזוי אַרום נעמען די מאַטעריאַלן פונעם אַלבום אַרום די אַנטוויקלונג פונעם קינסטלער אין משך פון 60 יאָר. אין אַזאַ לאַנגער תקופה האָט טאַקע דער קינסטלער טרעמבאַטש געווירקט. דער אַלבום איז אַ מין רעטראָספּעקציע פון אַ קינסטלער־לעבן מיט אַלע זיגזאַגן פון קינסטלערישן און פּריוואַטן לעבן אין דער בירגערלעכער וועלט ביז סעפּטעמבער 1939. דערנאָך איז דער קינסטלער אַריינגעפאַלן אין מערדערישן קעסל פון דער היטלעריסטישער אָרדענונג אין „ליצמאַנשטאַט". פון דער געטאָצייט זענען שוין קיין דאָקומענטן נישטאָ, אָבער עס זענען פאַראַן אין אַלבום 3 פאָטאָגראַפיעס, געמאַכט פון דעם פאָטאָגראַף גראָסמאַן אין לאָדזשער געטאָ. מיר זעען דאָ דעם אַלטן און שטערבלעך קראַנקן קינסטלער ווי ער ליגט אין בעט מיט אויפגעריסענע אויגן אין פּחד פאַרן דרויסן. אַרום אים זיצן אַ פּאָר מענטשן, אויך אין גרויליקער שרעק. דאָס איז געווען דאָס איינציקע פון דער געטאָצייט וואָס דער קינסטלער האָט אַריינגעלייגט אין אַלבום — אין קעגנזאַץ צו די דאָקומענטן, צייטונג־אויסשניטן און רעפּראָדוקציעס פון זיינע בילדער, וואָס דער קינסטלער פלעגט אין די פריערדיקע צייטן אַריינקלעבן. אַזוי אַרום זעען מיר פאַר זיך טרעמבאַטשעס גאַנץ לעבן און זיין קינסטלערישע אַנטוויקלונג — לויט די שול־צייגענישן פון דער צייט ווען ער האָט זיך געלערנט — ביזן סוף.

מאַוריצי טרעמבאַטש איז געבוירן אין וואַרשע דעם דריטן מײַ 1861. אין זיין זעכצנטן לעבנסיאָר ווערט ער אויפגענומען אין דער צייכענונג־שול, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער באַרימטער פּוילישער קינסטלער און פּאַטריאָט וואָיטשעך גערסאָן. די שול פון גערסאָנען איז געווען אין אַמאָליקן קאָנגרעס־פּוילן די איינציקע בילדונג־אינסטיטוציע פאַר קינסטלער נאָך דעם ווי די צאַרישע מאַכט האָט אַלס רעפּרעסיע פאַרן אויפשטאַנד אין 1863 פאַרמאַכט אַלע קונסטשולן. עס איז כדאַי ביי דער געלעגנהייט אונטערצושטרייכן אַז אין דעם יאַנואַר־אויפשטאַנד האָט זיך באַטייליקט דער יידישער קינסטלער אַלעקסאַנדער סאָכאַטשעווסקי, וועלכער איז פאַראורטיילט געוואָרן צו תליה און איז דערנאָך באַגנעדיקט געוואָרן און באַקומען אייביקע קאַטאָרגע. נאָך 20 יאָר פאַרברענגען דאָרט האָט זיך סאָכאַטשעווסקי אומגעקערט קיין פּוילן און געמאָלן צענדליקער בילדער פון זיינע איבערלעבענישן.

די געשאַפענע קונסט פּלאַצוווקע פון גערסאָנען איז געווען נאָך די געשעענישן פון 1863 אַ וויכטיקע פּאָזיציע אַ דאַנק דער ערנסטקייט, פּאַטריאָטישער דרייסטקייט און קודם־כל אַ דאַנק די ערשטקלאַסיקע פּעדאַגאָגישע פעאיקייטן פון גערסאָנען, וואָס האָט דערצויגן אַ דור קינסטלער אין קאָנגרעס־פּוילן.

אַ גרויסע צאָל פון די שפּעטער באַרימט־געוואָרענע פּוילישע קינסטלער, ווי יוזעף כעלמאַנסקי, יאַן סטאַניסלאַווסקי, לעאָ וויטשולקאָווסקי, אייסמאָנד פּאַנקעוויטש און אַנדערע, האָבן זייערע ערשטע שריט אין דער קונסט אָנגעהויבן אונטער דער אָנפירונג פון גערסאָנען. גערסאָנס פּרינציפּ איז געווען אַז כדי אַ קונסטווערק זאָל זיין ווערטפול, מוז עס זיין אי פּרעציז געצייכנט — כמעט מאַטעמאַטיש אויסגערעכנט — און אי אָנגעלאָדן מיט אַ שטאַרקער באַגייסטערנדיקער אידעע; עס מוז זיין געזעלשאַפטלעך.

ביים מייסטער גערסאָן האָבן אויך שפּעטער שטודירט די יידישע קינסטלער שמואל הירשענבערג, לעאָפּאָלד פּיליכאָווסקי א"א. אין אָט דער שול האָט זיך געלערנט טרעמבאַטש. אינעם אַלבום איז טאַקע פאַראַן טרעמבאַטשעס ערשטע צייגעניש, וואָס נעמט אַרום די לערנצייט פון אָנהייב ביזן סוף, ד"ה פון 5טן נאָוועמבער 1877 ביז 1880, אונטערגעשריבן דורך גערסאָנען. גערסאָן שטעלט אויס דעם יונגן קינסטלער אַ גוטע צייגעניש, טרעמבאַטש האָט זיך גוט אויפגעפירט, ער האָט אַרויסגעוויזן אַלגעמיינע גוטע פעאיקייטן אין דער צייכענונג, און ער האָט דערפאַר באַקומען זיין ערשטע באַלוינונג.

טרעמבאַטש פאָרט אין דעם זעלביקן יאָר 1880 שטודירן קיין קראָקע. עס העלפט אים אין דעם דער באַקאַנטער יידישער קינסטלער לעאָפּאָלד האָראָוויץ, וועלכער האָט אין די 80ער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט געלעבט אין קאָנגרעס־פּוילן, וואו ער איז געווען אַלס פּאָרטרעטיסט זייער באַליבט אין דער פּוילישער געזעלשאַפט. ער האָט אין וואַרשע פאַר טרעמבאַטשן באַזאָרגט אַ סטיפּענדיע כדי ער זאָל קאָנען שטודירן אין דער קראָקעווער קונסטשול, וועלכע האָט געהאַט זייער אַ גוטן נאָמען. אין שפּיץ פון דער קראָקעווער קונסטשול שטייט דעמאָלט דער באַרימטער יאַן מאַטעיקאָ. טרעמבאַטש ווערט אויפגענומען אין דעם קלאַס פון וו. לושקעוויטש, וועלכער האַלט זיך אויך ביים פּרינציפּ פון געבן גרינטלעך די פיזיאָנאָמיע פון אַ זאַך, אַזוי ווי גערסאָן. אויך דאָ האָט זיך טרעמבאַטש דערוואָרבן אָנערקענונג ביי זיינע פּראָפעסאָרן, אויך דאָ איז ער ביים לערנען געווען פלייסיק און ער באַקומט פאַר צייכענען אַנטיקע גיפּסן די מיינונג „אויסגעצייכנט". אינעם אַלבום איז פאַראַן די צייגעניש פון קראָקע, אונטערגעשריבן דורכן דירעקטאָר

אויטאָפּאָרטרעט

יאַן מאַטעיקאָ און דורך די באַרימטע קינסטלער־פּראָפעסאָרן ל. לעפלער, װלאַדיסלאַװ לושקעוויטש, פלאָריאַן צינק, איזידאָר יאַבלאָנסקי און נאָך איין נישט־לייענבאַרע אונטערשריפט פון אַ פּראָפעסאָר. די דאַטע פון דער צייגעניש איז דער 25טער יולי 1881. דערנאָך פאָרט מאַוריצי טרעמבאַטש קיין מינכען אין דער דאָרטיקער קונסט־אַקאַדעמיע, וועלכע האָט געהאַט אַ גוזמאַדיק איבערגעשאַצטן נאָמען. מען נעמט אים אויף אין דער אַקאַדעמיע אויפן סמך פון זיינע אַרבעטן, וועלכע ער שטעלט צו. ער שטודירט ביי די פּראָפעסאָרן זייץ און ליצענמייער, און דאָ ווערט ער באַרימט. מינכען באַשענקט אים מיט אויסצייכענונגען און מיט מעדאַלן. דער דירעקטאָר פון דער דאָרטיקער אַקאַדעמיע איז געוועזן דער דעמאָלט באַרימטער קאַרל פאָן פּילאַטי, ביי וועלכן עס האָט מיט אַ פּאָר יאָר פריער שטודירט מאַוריצי גאָטליב. אָבער אין קעגנזאַץ צו גאָטליבן און שפּעטער צו שמואל הירשענבערגן, וועלכע האָבן טראָץ דער מינכענער נעגאַטיווער אַטמאָספער איינגעהאַלטן זייער קינסטלערישע אייגנאַרטיקייט, הייבט אָן טרעמבאַטש צו ווערן מינכעניש. עס ווירקט אויף אים די פּאָעזיע, די אַנעקדאָטן־מאָלעריי, די סענטימענטאַלישקייט, וועלכע זענען ביי אים גובר דעם רעאַליסטישן פאַרמעסט. פון דעם נעגאַטיוון איינפלוס פון מינכענער סטיל איז טרעמבאַטשן שפּעטער געווען שווער זיך צו באַפרייען. אַפילו זיינע יידישע טעמעס ווי „תשעה באב" און אַנדערע זענען געמאָלן אויפן מוסטער פון מינכענער סטיליזאַציע. טרעמבאַטש פאַלט אַרונטער, אויף אַ געוויסער צייט, אונטער דער השפּעה פון דעם דייטשן קינסטלער עדוואַרד גריצנער, וועלכער האָט זיך באַקאַנט געמאַכט דורך זיינע בילדער וואָס שילדערן דאָס פרעסן און זויפן פון די גלחים און מאָנאַכן, אָבער אין אידילישער און נישט אין קריטיש רעאַליסטישער אויפפאַסונג. אַזאַ מאָטיוו מאָלט טרעמבאַטש. ער שאַפט אַ בילד וואָס שטעלט פאָר אין אידילישן סטיל צוויי גרייז גרויע, אָבער בעל־גופישע מאָנאַכן, ווי זיי זיצן ביי אַ ווייס געדעקטן טיש און טרינקען. אָבער אין דער זעלבער צייט שאַפט טרעמבאַטש זיינע בעסטע בילדער, וועלכע האָבן אים געמאַכט אַ גרויסן נאָמען און אים אַוועקגעשטעלט אין די פאָדערשטע רייען פון די יידישע און פּוילישע מאָלער. דאָס זענען די באַרימטע בילדער: „דער באַרמהאַרציקער סאַמאַריטאַנער", „די רעקאָנוואַלעסצענטקע", „יאַנקל דער צימבאַליסט" (יאַנקלס קאָנצערט) און אַ רייע אַנדערע, אָנגעלאָדענע מיט מענטשלעכן און געזעלשאַפטלעכן אינהאַלט, און ממילא שטייען זיי אויף אַ הויכן ניוואָ. בפרט איז באַרימט געוואָרן דאָס בילד „יאַנקל דער צימבאַליסט", געמאָלט אויפן סמך פון דער באַקאַנטער פּאַטריאָטישער סצענע אין אַדאַם מיצקעוויטשעס אומשטערבלעכן ווערק „פּאַן טאַדעוש". עס פילט זיך די גרויסע ליבשאַפט פון מחבר צו דער לירישער געשטאַלט פון דעם ייד און פּאַטריאָט יאַנקל.

אָבער באַלד דערנאָך קומט ווידער אַן אידעישע ירידה. טרעמבאַטש מאָלט אַ גרויסע קאָמפּאָזיציע „דער סאַלוואַטער בירקעלער אין מינכען". אין דעם בילד האָט טרעמבאַטש אידעאַליזירט די מינכענער ביר זליפּנדיקע בעלי־גופים. אויף אַ גרויסן לייוונט ברענגט טרעמבאַטש אַרויס אַ טומלדיקע מאַסע פון ליידיקגייערס, וועלכע פאַרווײלן זיך און שעפּן נחת אין הויף פון דער ברויעריי, ביי קריגלעך ביר. מיר זעען עלטערע און מיטליאָריקע מענער און פרויען, פריילעכע און אָנגעטרונקענע, צווישן זיי קעלנער און קעלנערקעס, מידע פון אַרבעט, אין ווייסע כאַלאַטן. אָט ווערט אַ קעלנערקע, מיט 3 קריגלעך ביר אין איין האַנט, פאַרהאַלטן פון אַן אינטעליגענט אין אַ שוואַרץ קאַפּעלע און צוגעשניצט בערדעלע — אַ טיפּ פון אַ דייטשן ראַבינער — וועלכער טוט זי אַ קניפּ אין באַק. ביי דער פאַס ביר שטייט אַן אָנגעהאָרעוועטער, מידער און פאַרדרימלטער אַרבעטער. אָבער דער קינסטלער אַקצענטירט נישט די סאָציאַלע קעגנזאַצן, וועלכע זענען פאַראַן ביים עולם. ער נעמט אַלעמען אין גלייכער מאָס אַרום אונטער איין טלית פון פאַרהערלעכונג. און אָט אַזוי ווערן געשאַפן דורך טרעמבאַטשן ווייטערדיקע בילדער, וועלכע אידעאַליזירן דאָס יוסטע מיליע פון פוסטן בירגערלעכן לעבן.

אַזוי אַרום קומט אַרויס די גאַנצע קעגנזעצלעכקייט אין טרעמבאַטשעס שאַפן. פון איין זייט — אַזוינע אינהאַלט־אָנגעזעטיקטע היסטאָרישע בילדער ווי „יאַנקל צימבאַליסט" א״א, פון דער צווייטער — די פּסיידאָ־קלאַסישע אינעם מינכערישן סטיל. נישט קיין וווּנדער וואָס אַזעלכע בילדער ווי „די רעקאָנוואַלעסצענטקע", „יאַנקל צימבאַליסט", דער „סאַמאַריטאַנער" זענען מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט אויפגענומען געוואָרן ביי דער יידישער און פּוילישער דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ און זענען פּאָפּולער געוואָרן צווישן די פאָלקסטימלעכע שיכטן, בעת די אידעאַליזאַציע פון די זויפנדיקע מאָנאַכן און פון די בירטרינקער, די קאָסמאָפּאָליטישע און אינהאַלטלאָזע מאָטיוון זיינע, האָבן באַקומען הילכיקע בראַוואָ־פּאַטשערייען ביי דער דייטשער בורזשואַזער קריטיק.

מאַוריצי טרעמבאַטש איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע קינסטלער אין פּוילן. ער האָט דאָ דעביוטירט מיט אַ טעמאַטיש בילד „אָרעמע־לייט" אין יאָר 1884 אין וואַרשע, אין סאַלאָן פון קשיוואַלד. 3 יאָר שפּעטער נעמט ער שוין אָנטייל סיי אין וואַרשע סיי אין קראָקע מיט גרעסערע אַרבעטן. מען לאַדט טרעמבאַטשן איין אָנטיילצונעמען אין דער ערשטער אַלגעמיינער קונסט־אויסשטעלונג אין קראָקע. דער פּרעזידענט פון דער אויסשטעלונג איז געווען יאַן מאַטעיקאָ. צו דער קאָמיסיע פון די אַראַנזשירערס פון דער אויסשטעלונג האָבן געהערט די באַדייטנדיקסטע קינסטלער ווי יוליוש קאָסאַק, װלאַדיסלאַװ לושקעוויטש (דער ערשטער דירעקטאָר פון דער נאַציאָנאַלער קונסט־גאַלעריע אין קראָקע און פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פאַר קונסטפאָרשונג), די פּראָפעסאָרן שטאַכעוויטש, לעוואַנדאָווסקי, טאָמקעוויטש א״א. די אויסשטעלונג האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע צאָל פּובליקאַציעס, עס איז דערשינען אַ גרויסער קאַטאַלאָג, און צווישן די ווייניקע רעפּראָדוקציעס איז אויך געווען אַ בילד פון מאַוריצי טרעמבאַטש.

אין דער ערשטער אַלפּוילישער קונסט־אויסשטעלונג אין דער „סוקעניצע" אין קראָקע זענען געווען פאַרטרעטן די באַוואוסטע יידישע קינסטלער שמעון בוכבינדער — מיט 2 בילדער, לעאָפּאָלד

האראָוויטש — מיט 8 פּאָרטרעטן, מאוריצי גאָטליב (מיט זיין אויטאָפּאָרטרעט אלס אחשורוש, וואָס הענגט היינט אין דער קראָקעווער נאציאָנאלער גאלעריע) און שמואל הירשענבערג, דער יונגער 22יאָריקער קינסטלער וועלכער האָט דעביוטירט מיט זיין בילד „די ישיבה". טרעמבאטש האָט דאָ געוויזן זיין גרויסע קאָמפּאָזיציע „דער בארמהארציקער סאמאריטאנער". פאר דעם 26יאָריקן טרעמבאטש איז דער דערפאָלג געווען גאר א גרויסער. זיין בילד דעראָבערט גרויס אָנערקענונג אין די קרייזן פון דער פּוילישער אינטעליגענץ. עס רופט זיך וואָרעם אָפּ די פּויזנער „געזעלשאפט פון די פריינד פון וויסנשאפט" און נאָמינירט טרעמבאטשן פאר אירן א מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט. דער סעקרעטאר פון דער געזעלשאפט בעזעסטיערניע־עגערשטרעם שרייבט צו טרעמבאטשן א בריוו פול מיט אָנערקענונג. דער בריוו געפינט זיך אינעם אלבום (דאטירט דעם 7טן יוני 1887).

פאר דעם אויסגעשטעלטן בילד „דער בארמהארציקער סאמאריטאנער" באקומט טרעמבאטש אין קראָקע א מעדאל. דאָס זעלבע בילד ווערט אויסגעצייכנט אויף א קאָנקורס אין ווארשע אין „זאכענטא". צום קינסטלערס בעסטע בילדער דארף מען פאררעכענען „די רעקאָנוואלעסצענטקע". אין דער ארבעט האָט דער קינסטלער מזלדיק אויסגעמיטן אלץ וואָס קאָן שטערן ביים אקצענטירן דעם גרונטמאָטיוו: אין אן ענג, קליין, צימערל זיצט אין בעט א יונג מיידל און לייענט א בריוו. אויפן קאָפּ האָט זי נאָך נאסע טיכער. די גאנצע אטמאָספער דריקט אויס א פארלאָזענע אָרעמע קראנקע. ביים בעט שטייט א טישעלע מיט א פלעשעלע מעדיצין, און אויף דער וואנט — א פּאָר אָרעמע קלייניקייטן. דער קינסטלער האָט זיך אריינגעפילט אין דער שטימונג פון דער פארלאָזענער אָרעמער קראנקער.

ווי געזאָגט, האָבן די דאָזיקע אינהאלטפולע בילדער געמאכט טרעמבאטשן א שם ביי דער דעמאָקראטישער אינטעליגענץ. איינער פון די אויסדרוקן פון אָט דער אָנערקענונג איז די פאראינטערעסירונג פון דער גרויסער דיכטערין מאריא קאָנאָפּניצקא מיטן יידישן קינסטלער. די דיכטערין האָט דעמאָלט מיטגעארבעט אין „טיגאָדניק אילוסטראָוואני", וועלכער איז ארויסגעגאנגען אין ווארשע. זי בעט טאקע אין א בריוו טרעמבאטשן (קאָנאָפּניצקא האָט דעמאָלט פּונקט ווי טרעמבאטש געוואוינט אין מינכען), ער זאָל איר אָנגעבן דעם טאָג און די שעה וואָס זי קאָן אים באזוכן, ווייל זי האָט זיך מתחייב געווען אָנצושרייבן פאר דעם זשורנאל א ריי ארטיקלען וועגן די פּוילישע קינסטלער אין מינכען. אינעם אלבום געפינט זיך אויך די אָפּהאנדלונג וועלכע מאריא קאָנאָפּניצקא האָט פארעפנטלעכט אין דעם „טיגאָדניק אילוסטראָוואני" אונטער איר פּסיידאָנים „מאריוס". אין דער אָפּהאנדלונג לויבט זי זייער שטארק די ארבעטן פון מאוריצי טרעמבאטש.

טרעמבאטש האָט — ווי א סך פּוילישע און יידיש־פּוילישע קינסטלער פון זיין צייט — געמאָלט מיצקעוויטשן. מאָלן מיצקעוויטשן איז געווען — באזונדערס אין יענע צייטן פון נאציאָנאלער אונטערדריקונג — א דעמאָנסטראציע פון פּאטריאָטיזם און פּראָגרעסיווקייט. אינעם ווארשעווער „טיגאָדניק אילוסטראָוואני" פון דער צווייטער העלפט פון 1895 (די גאנצע דאטע קאָן מען, ליידער, אויפן אויסשניט נישט דעשיפרירן) ווערט וועגן דעם געשריבן אין אן ארטיקל אונטערן נאָמען „פּאָרטרעטן פון מיצקעוויטש". אָט וואָס: „דער בארימטער קינסטלער אנדריאָלי האָט זיך פארמאָסטן צו מאָלן פּאָרטרעטן פון די באדייטנדיקסטע פּוילישע שעפער, ווי מיצקעוויטש, קראשעווסקי, מאטעיקאָ, מאָניושקאָ, פרעדראָ, שניאדעצקי, אָבער דער טויט האָט צו זיינע פּלענער געמאכט א סוף. עס איז אים געלונגען צו שאפן בלויז דעם פּאָרטרעט פון מיצקעוויטשן. פון צווישן די פארשידענע מיצקעוויטש־פּאָרטרעטן דארף מען האלטן האָראָוויצעס פּאָרטרעט פאר איינעם פון די בעסטע. האָראָוויץ האָט זיך באמיט ווירקלעך איבערצוגעבן די נאטור, ד"ה ער האָט זיך באמיט אז דאָס פּנים פון מייסטער אדאם זאָל זיין קודם־כל ענלעך צו די מאטעריאלן מיט וועלכע ער האָט זיך באנוצט... די אנדערע קינסטלער, טעפּא, טרעמבאטש און אנדריאָלי האָבן נישט נאָר געהאט, אין דער ערשטער ריי, אין זין איבערצוגעבן די פיזישע ענלעכקייט, זיי האָבן זיך באמיט צו געבן אין דעם פּאָרטרעט די אָפּשפּיגלונג פון פּסיכישן געמיט ביים פּאָעט. דער דאָמינירנדיקער עלעמענט ביי טרעמבאטשן איז ווייטיק, טיפער ווייטיק, אן אנדערער ווי דער געוויינלעך פיזישער. גאנץ אנדערש זענען די פּאָרטרעטן פון טעפּא און אנדריאָלי. זיי טראָגן אין זיך די שטימונג פון רו, פון פּאָעטישער פארקלערונג, זיי דריקן אויס ערנסטקייט, דערהויבנקייט, חשיבות".

אין דעם שוואונגפעריאָד פון זיין שאפן האָט טרעמבאטש באקומען — ווי עס גיט איבער דער „טיגאָדניק אילוסטראָוואני" — 2 זילבערנע מעדאלן. פאר דער „רעקאָנוואלעסצענטקע" באקומט ער אויף דער פּאריזער אויסשטעלונג פון 1889 א בראָנדזענעם מעדאל און פארן בילד „דער בארמהארציקער סאמאריטאנער" אויף דער וועלט־אויסשטעלונג אין סאן־פראנציסקאָ אין 1894 — א גאָלדענעם מעדאל.

אָבער דער וועלט בארימטער קינסטלער ווערט לחלוטין נישט געשטיצט דורך די בורזשואזע יידישע ספערעס און אפשיטא אז נישט דורך דער פּוילישער און דייטשער בורזשואזיע פון דעמאָלטיקן לאָדזש, וואו ער האָט זיך באזעצט אין 1909. זיי ווייזן ארויס א פולשטענדיקע גלייכגילטיקייט צו אזא גרויסן טאלאנט ווי מאוריצי טרעמבאטש. די דעמאָקראטישע קונסט־קריטיקער אין פּוילן האָבן טאקע נישט איין מאָל געמאכט אויפמערקזאם אויף אָט דער באציאונג. אין איינעם א פּוילישן צייטונג־אויסשניט, וואָס געפינט זיך אין אלבום, לייענען מיר אונטערן טיטל „דלאטשעגאָ" (פאר וואָס) די ווייטערדיקע ביטערע ווערטער: „דער קינסטלער טרעמבאטש, וועלכן מען האָט באערט פיר מאָל פאר זיינע ארבעטן מיט מעדאלן אין אויסלאנד, האָט איינגעאָרדנט צו זיין 30יאָריקן שאפונג־יובילײ אן אויסשטעלונג פון זיינע בילדער. דער ה' טרעמבאטש איז א קינסטלער פון א נישט־דורכשניטלעכער מאָס! ער מאָלט גוט, ער מאָלט א סך פון לעבן פון די יידן און אויך אייגנארטיקע פּייזאזשן".

איינאָרדענענדיק די אויסשטעלונג האָט טרעמבאטש זיך באזונדער גערעכנט מיט די רייכע לאָדזשער פאבריקאנטן, וועלכע וואָלטן געקאָנט אָן שום שאָדן פאר זייער פארמעגן עפּעס ביישטייערן פארן קינסטלער. דערווייל זענען די פאבריקאנטן נישט געקומען... פאר וואָס? האָט זיך שוין דער קינסטלער א סך דערוואָרבן אין די 30 יאָר?"

כאראקטעריסטיש פאר דער באציאונג פון דער בורזשואזיע צו קונסט איז דער פאקט וואָס אנדזשעי מארעק האָט איבערגעגעבן אין „איזראעליטא" פון יאָר 1903: א רייכער ייד האָט געקויפט ביי א יידישן קינסטלער א בילד „א יידישער הענדלער", אָבער ער האָט געמוזט דאָס בילד דעם קינסטלער צוריק אָפּגעבן, ווייל זיין פרוי האָט נישט געוואָלט דולדן אז אין איר סאלאָן זאָל הענגען א בילד פון א יידישן קינסטלער. חוץ דער גלייכגילטיקייט פון דער יידישער בורזשואזער געזעלשאפט האָט גענומען ווירקן קעגן טרעמבאטשן נאָך א צווייטער פאקטאָר: דער אנטיסעמיטיזם אין דער פּוילישער בורזשואזער געזעלשאפט. אין יאָר 1902 ווערן זיינע ארבעטן אויף דער אויסשטעלונג אין ווארשע אויף א בייזוויליקן אופן אראָפּגעריסן דורך דעם „קוריער ווארשאווסקי". דאָס האָט אָבער ארויסגערופן א רעאקציע ביי א ריי דעמאָקראטיש־געשטימטע פּוילישע קינסטלער, ווי: אפּאָלאָניוש קענדזשערסקי, טשעסלאוו פּאנסקי, סטאניסלאווא פּיאלקאָווסקא, וועלכע סאָלידאריזירן זיך מיטן יידישן מאָלער און שיקן אים אריין דעם ווייטערדיקן בריוו (ער געפינט זיך אינעם אלבום):

„מיר טיילן אבסאָלוט נישט די מיינונג פון דער לעצטער קריטיק פון „קוריער ווארשאווסקי" וועגן אייער אויסשטעלונג, בפרט בנוגע די פארגלייכן וואָס מען האָט דאָרט באנוצט, און מיר ווילן דאָס אייך ברענגען צום אויסדרוק צוזאמען מיט א וואונטש, איר זאָלט זיך די קריטיק נישט נעמען איבעריק צום הארצן, איר זאָלט ארבעטן מיט ברען, וואָס איז שטענדיק געווען פאר אייך כאראקטעריסטיש.

„אייער אלטער קאָלעגע א. קענדזשערסקי,
טשעסלאוו פּאנסקי,
סטאניסלאווא פּיאלקאָווסקא
פערטער יאנואר 1903"

עס קומען אָן די רעאַקציע־יאָרן פון נאָך 1905, און דער אַנטיסעמיטיזם אין די פּוילישע בורזשואַזע קרייזן וואַקסט. דעם אַנטיסעמיטיזם הייבן אָן די יידישע קינסטלער אַלץ מער צו שפּירן. טרעמבאַטשן „פאַרגעסט מען" אַלץ אָפטער איינצולאַדן אויף פּוילישע אויסשטעלונגען. נאָר אין קליין־פּוילן באַגעגענען מיר נאָך זיינע אַרבעטן אויף אויסשטעלונגען. אין יאָר 1906 שטעלט ער אויס אין קראָקע אין איינעם מיט סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי, וולאַטימיסל האָפּמאַן און קאַנדינסקי. ער באַקומט אַ גוטע אָפּשאַצונג אין דער קראָקעווער „נאָווא רעפאָרמאַ", דערנאָך שטעלט ער אויס אין מאַרץ 1907 צוזאַמען מיטן קינסטלער געאָרג מערקעל אין לוואָוו. מיר לייענען וועגן דער אויסשטעלונג אין דער וואָכנשריפט „ווסכוד" פון 1907.3.29 אַט וואָס:



יאַנקל צימבאַליסט

„טרעמבאַטש איז אַ קינסטלער מיט וועלכן מען מוז זיך, אגב, רעכענען, אָבער עס פעלט אין זיינע אַרבעטן אַ העכערער פאַרמעסט, די ערנסטקייט און אויפריכטיקייט צו זיך אַליין, דאָס שטרעבן צו באַהאַנדלען די נייע פּראָבלעמען וואָס פירן ערשט דערצו אַז מען אינטערעסירט זיך מיט די קינסטלער. מען קאָן נישט לייקענען אַז די אַרויסגעשטעלטע לאַנדשאַפטן, זשאַנערבילד, פּאָרטרעטן, זענען געמאַכט געוואָרן סימפּאַטיש און אָנגענעם. אָבער טאַקע די סימפּאַטישקייט איז פאַר זיי באַדראָענדיק. דער קינסטלער וואָס האָט זיי געשאַפן רעכנט זיך מיט דעם גוסט פון דער געזעלשאַפט (געמיינט די בירגערלעכע געזעלשאַפט — י. ס.), און דאָס איז זייער שעדלעך".

פונעם יאָר 1911 אָן נעמט שוין טרעמבאַטש אָנטייל אין אויסשליסלעך יידישע אויסשטעלונגען. אין דער גאַלעריע לוקסעמבורג אין וואַרשע איז געעפנט געוואָרן די דריטע אויסשטעלונג אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען צוויי סקולפּטאָרן: אליהו גינזבורג און אברהם אייזענבערג, און די מאָלער טרעמבאַטש און יעקב וויינלעז. כאַראַקטעריזירנדיק טרעמבאַטשעס שאַפונגען שרייבט דער רעצענזענט פון „היינט" אַט וואָס:

„דער מאָלער טרעמבאַטש קוקט מיט פאַרחלומטע בליקן אויף די קעפּ פון דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער זעלבער פאַרחלומטקייט זעט ער אויך די קוזמירער געסלעך, הייזלעך און חורבות".

ווי מיר זעען, איז טרעמבאַטש ווידער גוט און ווירקנדיק אין די מאָטיוון אין וועלכע ער דערנענטערט זיך צו זיין היים. אָדער דער שעדלעכער איינפלוס פון דער מינכענער פּסידאָקלאַסיק שטערט אים אין אַ ריי בילדער אויף יידיש־היסטאָרישער טעמאַטיק. פּונקט ווי ער איז ערלעך און ווירקנדיק אין „יאַנקל צימבאַליסט", צי אין די קוזמירער היימישע מאָטיוון, אַזוי פאַלט ער אַדורך אין זיין בילד „תשעה באב". צו אַט דער טעמע, וועלכע געהערט צו זיין מינכענער פּעריאָד, איז ער געוויס אינספּירירט געוואָרן דורך דעם דייטש־יידישן קינסטלער עדוואַרד בענדעמאַן (1811—1889), וואָס זיינע ביבלישע מאָטיוון „די טרויערנדיקע יידן פון בבל" און „ירמיהו ביי די חורבות פון ירושלים" האָבן אין זיין צייט געמאַכט אַ גרויסן רושם. בענדעמאַן האָט אָבער די דאָזיקע בילדער געמאָלט מיט אויסערגעוויינלעכער קלאַסישער פּרעציזקייט. בענדעמאַן האָט זיך אין גאַנצן אַריינגעלעבט אין דער טעמע. דערקעגן־זשע ביי טרעמבאַטשן איז אַרויסגעקומען אַ פאַנטאַסטיש־פּאַטעטיש בילד, וואָס ווירקט נישט און רופט נישט אַרויס קיין איבערלעבונג, עס איז אין טרעמבאַטשעס „תשעה באב" פאַראַן אַ סך טעאַטראַלישס און פאַלש מיסטישס, אויף אַזוי ווייט אַז די דאָזיקע היסטאָרישע טעמע קומט אַרויס ערטערווייז ביי אים גראָטעסק.

אין דעם לאָדזשער פּעריאָד — נאָכן צוריקקומען פון אויסלאַנד — דערנענטערט זיך טרעמבאַטש אַלץ מער צו פאָלקסטימלעכער יידישער טעמאַטיק. ער מאָלט יידישע פאָלקסטיפּן, שטייגערלעבן, פּאָרטרעטן. אויך דאָ קומט צום אויסדרוק די סתירהדיקייט אינעם קינסטלערסטיל. עס ראַנגלט זיך ביי אים רעאַליזם מיט נאַטוראַליזם. צו יענער צייט געהערן אַ ריי פּרעכטיקע פּאָרטרעטן — אין שטייגער פון בילדקונסט פון 19טן י"ה. אַ שטאַרקן איינדרוק מאַכן זיינע קינדער־פּאָרטרעטן, למשל די צוויי קינדער פון די גאַרטענבערגס, וועלכע ער מאָלט מיט אַ רייכער דראַפּעריע, ווי אַן אמתדיק קלאַסיש בילד.

אין דעם לאָדזשער פּעריאָד, וועלכער פאַלט אויס אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, דערפילט טרעמבאַטש די צרות פון די עקאָנאָמישע קריזיסן און פון אַנטיסעמיטיזם. נישט געקוקט אויף דעם וואָס געוויסע קונסט־מעצענאַטן דערמאָנען זיך פון צייט צו צייט וועגן אים, פאַרגעסט מען אָבער וועגן דעם אַ מאָל אַזוי פּאָפּולערן קינסטלער אַלץ מער. אין יאָר 1933 לייענען מיר אין דער כראָניק פונעם זשורנאַל „שטוקי פּיענקנע", אונטערן קעפּל „אַ טרויעריקער גורל פון אַ קינסטלער", אַט וואָס „דער פאַר דער שטאָט לאָדזש פאַרדינסטפולער קינסטלער מאָוריצי טרעמבאַטש, אַ מענטש אַ באַיאָרנטער, לעבט אין גאָר שווערע באַדינגונגען. מען מאַטערט אים מיט פּראָצעסן פאַר נישט באַצאָלן דירה־געלט, מען דראָט אים מיט עקסמיסיעס, און צו דעם אַלעם שלעכטן פאַרלאַנגט מען נאָך פון קינסטלער נישט ווייניקער, ווי אַז ער זאָל אָפּגעבן אַן עקזאַמען פון מאָלעריי".

אַט צו וואָס עס איז דערגאַנגען אין דער פאַרסמטער אַטמאָספער פון גאַנצן בייז דורך דער סאַנאַציע פאַשיזירטן לעבן אין פּוילן. אַ קינסטלער מיט אַ וועלטנאָמען ווערט געצוואונגען זיך צו שטעלן צום עקזאַמען פון מאָלעריי בלויז דערפאַר ווייל ער איז אַ ייד! און עס איז קלאָר אַז ווען די שטאָט־פאַרוואַלטונג פון לאָדזש באַשטימט אין 1932 אַ פּרעמיע פאַר קונסט און עס ווערט דורך די קינסטלער־קרייזן אַרויסגערוקט דער סעניאָר פון קינסטלערישן לאָדזש טרעמבאַטש, ווערט זיין קאַנדידאַטור אַראָפּגענומען און די פּרעמיע ווערט צוגעטיילט אַ דריטראַנגיקן מאָלער, אַ געוויסן וולאַדיסלאַוו שטשעמינסקי.

וועגן דעם סקאַנדאַל מיט דער פּרעמיע האָט געשריבן דעמאָלט דער זשורנאַל „שוויאַט": „דער זיכערסטער פאַוואָריט וואָלט גע־

דאַרפט זיין דער עלטסטער אין יאָרן און אין נויט, דער אַ מאָל אין גאַנץ פוילן באַקאַנטער און געשעצטער קינסטלער, וועלכער האָט אויסגעשטעלט אין מינכען, פאַריז, קאָנסטאַנטינאָפאָל, דער פריינד און קאָלעגע פון וויערוש קאָוואַלסקי, בראַנד, וויעוויורסקי, מיט איין וואָרט — מאוריצי טרעמבאַטש”.

אַ ריי פוילישע מאָלער, פריינד פונעם קינסטלער, ווענדן זיך מיט אַ בריוו צום דעמאָלטיקן פרעזידענט מאָשטשיצקי, מען זאָל באַשטימען דעם אַלטן קראַנקן טרעמבאַטש אַ סטיפענדיע פון נעבעכדיקע 200 זלאָטעס אַ חודש. די ווענדונג איז בייגעלייגט געוואָרן אין פעברואַר 1933 און קיין שום ענטפער איז נישט געקומען, ד"ה — די ביטע איז אָפגעוואָרפן געוואָרן. מיר געפינען אויך אין דעם אַלבום אַ ביטע פון טרעמבאַטשעס טאָכטער, וועלכע ווענדט זיך אין 1929 צום מאַגיסטראַט, מען זאָל איר געבן אַ באַפרייטע שטעלע פון אַ מאַשין־שרייבערין. אָבער אויך אויף דער ביטע איז קיין תשובה נישט געגעבן געוואָרן.



אַ יונגער דרוטשאַזש

אַ קראַנקער און נויטליידנדיקער, מיט אַן אייביקער דראָונג פון עקסמיסיע, ביי דער פולשטענדיקער גלייכגילטיקייט פון דער יידישער בורזשואַזיע, אַרומגערינגלט מיט דער אַנטיסעמיטישער באָיקאָט־באַציאונג פון דער סאַנאַציע — אין אַזאַ לאַגע האָט זיך געפונען דער גרויסער קינסטלער מאוריצי טרעמבאַטש ביים אַריינמאַרשירן פון די היטלעריסטישע חיילות קיין לאָדזש. דאָ האָט ער שוין לאַנג נישט אָנגעטריבן. אין 1941 גייט ער אויס פון הונגער און מידקייט.

ווען מיר ווילן היינט אָפשאַצן זיין קינסטלערישן סך־הכל, דאַרף מען זאָגן אַז נישט געקוקט אויף די שעדלעכע השפעות און פלאַכע בילדער, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט, בלייבן אַ סך פון זיינע שאַפונגען אַ קנין פון גוטער קונסט, ווי דער פאַטריאָטישער „יאַנקל צימבאַליסט” און די גרויסע מענטשלעכע ווערק „די רעקאָנוואַלעסצענטקע” און אַנדערע. מען דאַרף פאָזיטיוו אָפשאַצן אַזעלכע שאַפונגען, ווי „אַ פויער” (געווען אין באַזיץ פון פראָפ' זייץ), „אַן אַלטע פרוי מיט 2 קויבערלעך אויף דער ערד” (זי ציילט די לעצטע גראָשנס וואָס זענען איר געבליבן), „אַן עפל־הענדלער מיט אַ קויבער אונטער דעם אָרעם” (וואָס איז געווען אין באַזיץ פון היפאָליט וואַוועלבערג) „אַ יונגער דרוטשאַזש” (וואָס זיצט אויף דער ערד מיט אַ מיידעלע, נישט אַ סך יינגער פון אים. מען זעט די צעריסענע שיך ביים דרוטשאַזש, ער ווייזט דעם פאַרוויינטן קינד אויף אַ גרויסן לאָך אין טאָפ.

אַ סך איינצל־געשטאַלטן פון פרויען, אַ ריי מאָמענט־באַאָבאַכטונגען פון גאַס, פון יריד, אויף דער פליאַזשע, פון זיין קוזמיר, פערד און וועגעלעך, טרעגער, בעטלער, אַלטע און קראַנקע. דאָס אַלץ האָט סקיצן, פונאַנדערגעבויטע אין גרעסערע בילדער מיט אַ טיפערן אינהאַלט. צו די שטאַרקע זאַכן זיינען געהערט אויך „די מאַרטיראָלאָגיע”, וואָס שטעלט פאָר אַ טויטן נאַקעטן מענטש מיט אַ שטאַרק פאַרווייטיקט פנים. ער ליגט, אויסגעשטרעקט אויף דעם רוקן, אויף דער ערד און לעבן אים ליגט אַ געפאַלדעוועט שטיק ליילעך. דאָס בילד איז געמאָלט אין קלאַסישן סטיל און איז אויך אַ קלאַסישער אויסדרוק פון אַ טאַלאַנט פון אַן אומגליקלעכן קינסטלער אין דער פאַרשאָלטענער קאַפיטאַליסטישער אָרדענונג (דאָס בילד געפינט זיך אינעם לאָדזשער מוזיי פאַר געשיכטע און קונסט). טרעמבאַטש האָט נישט פאַרשטאַנען אַז אמתדיקע קונסט מוז שטיין אין קאַמף קעגן די וועלכע ברענגען נויט, דערנידערונג און פאַרניכטונג פון מענטשן און קינסטלער. אָבער פון צייט צו צייט איז גובר דער אמתער טאַלאַנט, און טרעמבאַטש שאַפט בונטאַרישע און רעאַליסטישע בילדער. כאַראַקטעריסטיש איז אַז טרעמבאַטש האָט אַרויסגעוויזן טאַלאַנט אויך אין דער סקולפטורקונסט. אָבער צוליב אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע איז דער קינסטלער קאָנטוזירט געוואָרן אַזוי אַז ער האָט געמוזט אויפגעבן די סקולפטאָרישע אַרבעט, וועלכע איז פאַרבונדן מיט גרויסער קראַפט־אָנשטרענגונג.

ווען עס איז געשאַפן געוואָרן דאָס לאָדזשער געטאָ איז טרעמבאַטש אַהין אַריינגעשטויסן געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע יידן. וועגן דעם לעבן פון דעם קינסטלער און זיין פאַמיליע אין די געטאָ־באַדינגונגען האָט אונדז אינפאָרמירט די קינסטלערין שרה גליקסמאַן, וועלכע האָט איבערגעלעבט די אָקופאַציע אין לאָדזשער געטאָ. טרעמבאַטשעס צווייטע פרוי, וואָס איז געווען מיט עטלעכע צוואַנציק יאָר יינגער פונעם קינסטלער, האָט געאַרבעט אין שניידער־רעסאָרט אין געטאָ. וועגן איר גורל ווי אויך פון זייער זון, וואָס איז אַלט געווען 14 יאָר, קאָן מען נישט אָנגעבן קיין גענויע ידיעות. טרעמבאַטש האָט געליטן אין געטאָ גרויס נויט, ער איז אַלץ מער

אראָפּגעפאלן פון די כוחות. געשטאָרבן איז ער דעם 19טן יאנואר 1941 אויף לימאנאָווסקע־גאס נומ׳ 19. באגראָבן איז ער געוואָרן דעם 30טן יאנואר 1941 אויפן יידישן בית־עולם, קווארטיר לינקס, 8טע גאס, קבר 490. לויט דער קארטאָטעקע פון דער חברה־קדישא טראָגט דער טויטן־צעטל דעם נומער 1138.

א פּאָר ווערטער וועגן דעם קינסטלערס משפחה:

איינע פון זיינע טעכטער, בראָניסלאווא, וועלכע איז געווען א פּיאניסטין, האָט איבערגעלאָזט אינעם אלבום אן ארבעט וועגן מוזיק־טעאָריע, 13 זייטן גרויספאָרמאט, מיט נאָטן. מאוריצי האָט געהאט א ברודער, בערנארד, וועלכער האָט א מאָל אויך געמאָלט. אויך זיין ברודערס זון, טאדעוש, איז געווען א מאָלער. ער איז אומגעקומען אין ווארשעווער געטאָ.

דאָס לעבן און שאפן פון מאוריצי טרעמבאטש איז א בולטע אילוסטראציע פאר דער טראגישער לאגע פון א טאלאנטירטן קינסטלער אין דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט, וואו דער טאלאנט ווערט פארקריפּלט, אויסגעלענקט, אין פאלשע, אנטיקינסטלערישע ריכטונגען, און וואו דער קינסטלער קאָן זיך נישט אויסלעבן נישט שעפעריש, נישט מאטעריעל. מאוריצי טרעמבאטש, דער סעניאָר פון די יידישע מאָלער אין פארמלחמהדיקן פּוילן, דער קינסטלער וואָס האָט מיט זיינע וואָרצלען געשטעקט אין פּוילישן און יידיש־פּוילישן באָדן און וואָס האָט געליטן פון דער אנטיסעמיטישער דיסקרימינאציע, האָט נישט דערלעבט צו די גרויסע טעג פון באפרייאונג. ער איז פארשניטן געוואָרן צוזאמען מיט דעם גרעסטן טייל פון זיין פאָלק. א טייל פון זיינע שילערס האָט דערלעבט די נייע צייטן אינעם פאָלקס־דעמאָקראטישן פּוילן, וואו עס ווערט געגעבן דעם יידישן קינסטלער, צו גלייך מיטן פּוילישן, די פולע מעגלעכקייט צו שאפן פארן פאָלק און זיך אויסצולעבן שעפעריש אָן מאטעריעלער זאָרג. אָפּשאצנדיק קריטיש די נעגאטיווע עלעמענטן אין טרעמבאטשעס קונסט נעמט אָבער איבער די באפרייטע קונסט אין נייעם פּוילן די ירושה פון טרעמבאטשעס פּאָזיטיווע ווערטן, וועלכע גייען אריין אין דער שאצקאמער פון דער קונסט פון די באפרייטע פעלקער, וואָס בויען דעם סאָציאליזם.

אַרויסגענומען פון „בלעטער פאַר געשיכטע" אַפּריל־יוני 1951, באַנד 6, ה׳ 2 יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין פּוילן.

א ביסל רכילות . . .

משה טירמאַן

דער גרויסער אַרעסט פון די ייִדישע דרוקער־אַרבעטער אין וואַרשע

די יאָרן פון 1910 ביזן אויסבראָך פונעם ערשטן גרויסן וועלט־קריג אין 1914 ווערן גערעכנט אין דער אַרבעטער געשיכטע פאַר יאָרן פון אויפלעבונג, אין וועלכע די אַרבעטער־באַוועגונג אין פּוילן האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון דער אַפּאַטיע נאָך די גרויסע קלעפּ, וואָס זי האָט באַקומען אין די רעאַקציע־יאָרן 1906—1909. נישט געקוקט דערויף, וואָס די פינצטערע רעאַקציע אינעם צאַרישן רוסלאַנד האָט נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן און די אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך שטאַרק גערודפט געוואָרן, האָבן פון דעסט וועגן אין פאַרשידענע פּונקטן פון לאַנד און אויך צווישן די ייִדישע דרוקער־אַרבעטער אין וואַרשע אָנגעהויבן זיך צו באַווײַזן סימנים פון אַן אויפשוווּנג און פון אָפּשאָקלען זיך פון דער אַפּאַטיע און גלײַכגילטיקייט צום פאַרהאַסטן צאַרישן רעזשים.

די פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן אָנגעהויבן צוריקצושטעלן זייערע אַקטיוון און נײַע ווינטן האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן אויף דער אַרבעטער־גאַס.

אין יענער צײַט האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען אין פּעטערבורג (הײַנט לענינגראַד) אַ ייִדישע וועכנטלעכע צײַטונג „די צײַט”. אין איינעם פון די נומערן פון „די צײַט” איז געווען אָפּגעדרוקט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון וואַרשע, אונטערגעשריבן פון משה זעצער, אין וועלכער ער האָט גערופן די ייִדישע דרוקער־אַרבעטער אין וואַרשע זיך צו אָרגאַניזירן, בכדי אויסצוקעמפן בעסערע עקאָנאָמישע אַרבעט־באַדינגונגען.

ווײַזט אויס, אַז דער באָדן בײַ די ייִדישע דרוקער־אַרבעטער איז שוין לאַנג געווען דורכגעאַקערט און צוגעגרייט פאַר אָרגאַניזאַציע, און דער רוף פון דער קאָרעספּאָנדענץ האָט לאַנג אויף זיך נישט געלאָזט וואַרטן, בכדי אַזאַ אָרגאַניזאַציע צו שאַפן.

ס'האָבן זיך גלײַך אָפּגערופן די אַלטע חברים, וועלכע זענען נאָך געווען טעטיק אין 5טן יאָר: בריליאַנטשטיין, פישמאַן, אַווראַמל בעלפער און ישראל דוויד הענדלער, און מיט זיי אויך אַ גאַנצע חברה יונגע, וועלכע זענען זיך צונויפגעקומען בײַ הענדלערן אין שטוב אויף אַ גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון אַן אומלעגאַלן דרוקער־פאַראיין. די פאַרזאַמלונג האָט דעמאָלט באַשלאָסן צו אַרבעטן אין עטלעכע ריכטונגען: ערשטנס; אויסטיילן פון זיך אַ קאָמיסיע פון עטלעכע אָנגעזעענע דרוקערס, וועלכן זאָלן אויסאַרבעטן אַ סטאַטוט פון אַ לעגאַלן דרוקער־פאַראיין און זיך באַמיִען אים צו לעגאַליזירן בײַ דער צאַרישער מאַכט; און צווייטנס, שאַפן אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל דערווײַל אָרגאַניזירן די דרוקער־מאַסן אויף אַן אומלעגאַלן אופן.

די קאָמיסיע, וועלכע האָט זיך געזאָלט באַמיִען אויפן לעגאַלן וועג אויפצושטעלן דעם דרוקער־פאַראיין, האָט שנעל פאַרענדיקט איר אַרבעט. זי האָט נאָכגעקאָפּירט אַ סטאַטוט פון אַ לעגאַלן פאַראיין, האָט דאָס ספּעציפיש־דרוקערישע אויסגעבאָרגט בײַם פּוילישן דרוקער־פאַראיין, וועלכע האָט דעמאָלט עקסיסטירט לעגאַל, און האָט דעם סטאַטוט אַרײַנגעגעבן אין דער קאַנצעלאַריע פונעם גענעראַל־גובערנאַטאָר מיט דער ביטע אים צו לעגאַליזירן. פאַרשטייט זיך, אַז דערוואַרטן זיך אויף דער באַשטעטיקונג פון דעם לעגאַלן סטאַטוט איז געווען צו לאַנג, ווײַל ער האָט אין גובערנאַטאָרס קאַנצעלאַריע געקאָנט אָפּליגן יאָרן און קיין ענטפער זאָל נישט קומען.

די שווערקייט פון דער אַרבעט איז דעריבער איבערגעטראָגן געוואָרן אויף דער אומלעגאַלער טעטיקייט. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ דרוקער־בערזע, וווּ די מיטגלידער פונעם אומלעגאַלן דרוקער־פאַראיין פלעגן זיך צונויפקומען, תחילת איין מאָל אין דער וואָך, דערנאָך מערערע מאָל, אויף לעשנע־גאַס לענגוים פון קאַרמעליצקע ביז פשעיאַזד. שפּאַצירנדיק אויף דעם אָפּשניט אַהין און צוריק האָט מען פאַרגעשטעלט די דרוקערס איינעם פאַרן צווייטן, געכאַפּט מיט זיי אַ שמועס וועגן דער לאַגע אין די דרוקערײַען וווּ זיי אַרבעטן, וועגן זייערע נויטן און אײַנגעקאַסירט בײַ זיי מיטגליד־אָפּצאָל אויף אַ בלאָק מיט אַ שטעמפּל פונעם אומלעגאַלן דרוקער־פאַראיין.

די צאָל דרוקערס, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו קומען אויף דער בערזע, איז געוואַקסן מיט יעדער וואָך. איבערהויפּט זענען געקומען די אַרבעטער פון אַקסידענץ־דרוקערײַען, די יונגטלעכע זעצערס און מאַשין־אַרבעטער, פּעדאַלאַזשעס פון דער לערניונגט. דער עלטערער דור איז זעלטן געקומען, פּשוט דערפאַר ווײַל פאַר זיי איז דאָס זאַמלען זיך אויף דער גאַס נישט געווען באַקוועם. פון דעסט וועגן האָבן אַ סך פון זיי געהאַט זייער אַ וואַרעמע באַציִונג צום אומלעגאַלן דרוקער־פאַראיין און האָבן מיט פאַרגעניגן געצאָלט די חודשלעכע בײַשטײַערונגען, ווען מען איז געקומען בײַ זיי אויפמאָנען אין דער דרוקערײַ. צו די צײַטונגס־אַרבעטער האָבן מיר דעמאָלט קיין צוטריט נישט געהאַט. דער דאָזיקער עלעמענט — די חסידישע ייִדן — האָט זיך אָפּגעשאָקלט פון יעדן מין „קראַמאָלע” און נישט געוואָלט האָבן קיין מגע־ומשא מיט די „ציצעליסטן”.

זייער אָפּט האָט דער אומלעגאַלער דרוקער־פאַראיין אײַנגעאָרדנט מאַסן־פאַרזאַמלונגען פון זײַנע מיטגלידער, איבערשיקנדיק די חברים פון די בערזע אויף געהיימע אַדרעסן, וווּ אויף אַ בוידעם־שטיבל אָדער אין אַ קעלער האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע צענדליק דרוקער־אַרבעטער און עס איז אַרויסגעטראָטן פאַר זיי אַ רעדנער פון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי מיט אַ רעפעראַט וועגן אָרגאַניזאַציע אָדער פּאָליטישע איבערזיכטן.

די בערזעס זענען בײַם דעמאָלטיקן טאָג געווען דער רעזערוווּאַר פון וואַנען די פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן ווערבירט פאַר זיך אָנהענגערס, געקליבן פון דאָרט מענטשן און געשאַפן פּאַרטייקרײַזן. אַזעלכע פּאַרטייקרײַזן פון דרוקערס האָבן דעמאָלט געשאַפן דער „בונד” און די „פּפּ”ס־לעוויצע”. אָבער דאָס איז פאָרגעקומען אין געהיים, איינער האָט פון צווייטן נישט געוווּסט אָדער זיך נישט געמאַכט וויסן; די אַלגעמיינע פאַראיין־צוזאַמענקונפטן האָבן אָבער ווײַט נישט געטראָגן קיין פּאַרטייִשן כאַראַקטער און עס פלעגן זיך אָפּט בײַטן די רעפערענטן, וועלכע האָבן געהערט צו פאַרשידענע ריכטונגען.

אין יאָר 1912 איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער פון אומלעגאַלן דרוקער־פאַראיין. אין אַ קאָנספּיראַטיווער דירה זענען אַרײַנגעקוועטשט געוואָרן קנאַפּע הונדערט מענטשן. נאָך אַ רעפעראַט וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגעס און נאָך אַ לעבעדיקער דיסקוסיע איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג פון די חברים: „יאַנקעלעוויטש (יאַנעק) הענדלער, פישמאַן — „בונד”; פינקלקרויט (מאַירל), טירמאַן (משה זעצער) — פּפּ”ס־לעוויצע”; פּילאַטאָווסקי — „פּועלי־ציון”; און קאָנסאָוויצקי — אַן אומפּאַרטייִשער. אויסער דער פאַרוואַלטונג האָבן מיטגעאַרבעט בײַם אָרגאַניזירן די דרוקער־מאַסע די ח״ח שטערנפעלד, לאַנגער, רפאל לעדערמאַן, אַווראַמל בעלפער, זיינוול באַמבאַס און דער געשטופּלטער העניעק.

פון דעם אומלעגאַלן דרוקער־פאַראיין האָט זיך שנעל דערוווּסט די צאַרישע „אָכראַנע", וועלכע האָט געזוכט מיטלען די דרוקער־אָרגאַניזאַציע צו צעקלאַפּן. נישט קאָנענדיק דאָס טאָן דורך דרוקערס גופא, האָט זי מאָביליזירט די יִדישע פּראָוואָקאַטאָרן, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער „אָכראַנע", און אַרויפגעצוווּנגען זיי מיט אַלע מיטלען זיך צו שטעלן אין קאָנטאַקט מיט די אָנפירערס פונעם אומלעגאַלן דרוקער־פאַראיין, כדי זיי אויסצוליפערן דער „אָכראַנע".

ווער ווייסט ווי לאַנג די פּראָוואָקאַטאָרן האָבן געאַרבעט, כדי צוצוקומען נאָענט צו דער אָנפירונג פון דרוקער־פאַראיין, און בכלל צו וואָלט זיך זייער אַרבעט אײַנגעגעבן ווען נישט דער ווײַטערדיקער צופאַל:

אָנהייב 1913 האָבן די פּוילישע דרוקער־אַרבעטער, וועלכע האָבן נאָך געהאַט עפּעס אַ שטיקל שײַן פון אַ לעגאַלן פאַראיין, אַזאַ מין „זיעדנאָטשעניע קאָלעגאָוו שטוקי דרוקאַרסקעי" — אָנגעהויבן פירן אונטערהאַנדלונגען מיט די פּוילישע דרוקערײַ־אייגנטימערס וועגן אַ נײַעם לוינטאַריף. די פּוילישע דרוקערײַ־אייגנטימער האָבן זיך פאַרעקשנט איבער געוויסע פּונקטן און עס האָט געהאַלטן ערב אַ שטרײַק אויף דער פּוילישער דרוקערגאַס. אַזוי ווי די אומלעגאַלע יִדישע דרוקער־פאַרוואַלטונג האָט זיך שוין לאַנג אַרומגעטראָגן מיט אַ פּלאַן פון אַן אַקציע, בכדי צו פאַרבעסערן די אַרבעטס־באַדינגונגען און אין אַ געוויסער מאָס רעגולירן די לוינען אין פאַרשידענע דרוקערײַען, האָבן שוין פריִער געהאַט אויסגעאַרבעט אַ לוינטאַריף, און דעריבער איז דער דרוקער קאָנפליקט אויף דער פּוילישער גאַס געווען אַ גוטער שעת־הכושר, כדי אויך אָנצוהייבן אַזאַ אַקציע אויף דער יִדישער גאַס.

די פאַרוואַלטונג פונעם אומלעגאַלן דרוקער־פאַראיין האָט אײַנגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט די פּוילישע דרוקער־אַרבעטער פונעם לעגאַלן פאַראיין און פיל ווייניק צוגעפּאַסט דעם אויסגעאַרבעטן טאַריף פון דער פאַרוואַלטונג צו די באַדינגונגען אין די פּוילישע דרוקערײַען. זיי האָבן אויך באַשלאָסן אַרויסצושיקן אַ פאָדערונג צו די יִדישע דרוקערײַ־אייגנטימערס און מעלדן אַ שטרײַק אויף דער זעלביקער דאַטע וואָס די פּוילישע דרוקערס, כדי דער שטרײַק זאָל זײַן אַן איינהייטלעכער און אַן אַלגעמיינער. די פאָדערונגען צו די באַלעבאַטים זענען געווען: אַכט־שעהדיקער אַרבעטסטאָג (די פאָדערונג פון אַכט שעה אַרבעט איז מער געווען אַ דעמאָנסטראַטיווע ווי אַ וועזנטלעכע) און אַ לוין־הוספה פון 30 ביז 50 פּראָצענט.

ערב דעם שטרײַק איז זיך די פאַרוואַלטונג צונויפגעקומען בײַ הענדלערן אין שטוב, בכדי ענדגילטיק צו באַשליסן וועגן שטרײַק, אָרגאַניזירן די שטרײַק־אַקציע און איינשטעלן די פאַרבינדונג מיט די פּוילישע דרוקער־אַרבעטער, וועלכע האָבן אין צוויי טעג אַרום געזאָלט אָנהייבן דעם שטרײַק. עס איז שוין געווען אָפּגעדרוקט אַן אויפרוף אין אַ צאָל פון עטלעכע הונדערט עקזעמפּלאַרן, וועלכע האָבן זיך טאַקע געפונען אין דער וווינונג ווו די זיצונג איז פאָרגעקומען.

ווען כמעט אַלע זענען זיך שוין געהאַט צונויפגעקומען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן זיי געפינט זיך אַן אומבאַקאַנטע פּערזאָן. ווען מיר האָבן געפרעגט דעם באַלעבאָס פון דער דירה ווער דאָס איז, האָט ער אונדז דערקלערט, אַז דער חבר איז דעלעגירט געוואָרן פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד" און אַז די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן אונדז מיטצוהעלפן אין אונדזער שטרײַק־אַקציע. דאָס איז געווען „הענעך מעטאַלאָוויעץ".

די זיצונג איז געווען אַ גאַנץ שטורמישע ווײַל — ווי מיר האָבן זיך דערוווּסט האָבן די פּוילישע דרוקערס באַשלאָסן די לעצטע מינוט דעם שטרײַק אָפּצולייגן אויף אַן אומבאַשטימטן טערמין. די פראַגע איז דעריבער געווען צי זאָלן מיר נאָכטאָן זייער בײַשפּיל און אויך אָפּלייגן דעם שטרײַק, אָדער — ווי די מערהייט האָט געהאַלטן — מיר זאָלן אַליין גיין אין קאַמף. איז אַרויסגעטראָטן דער בונדישער פאָרשטייער און אונטערגעשטיצט די מיינונג פון אָפּלייגן דעם שטרײַק, די מערהייט איז אָבער געווען דערפאַר אַז מ'זאָל ווײַטער אָנפירן די אַקציע.

אין מיטן דער פאַרזאַמלונג, ווען די פרוי הענדלער (עווקע) האָט אויף אַ דיסקרעטן קלאַפּ אין טיר זי געעפנט, האָבן זיך געגעבן אַ שאָט אַרײַן אַ מאָן צען פון דער זשאַנדאַרמעריע און ציווילע אַגענטן מיט אויסגעשטרעקטע רעוואָלווערן און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: „ניע שעוועלים ס'מיעסטאַ!" (רירט זיך נישט פון פּלאַץ).

מיר זענען אַלע ווי אָן לשון געבליבן צוגעשמידט צו די ערטער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ רעוויזיע, צו ערשט אַ פּערזענלעכע. מיר האָבן אַלע געמוזט אַרויסלייגן אַלץ אויפן טיש, דערנאָך האָט מען געזוכט אין שטוב, אין קיך, אין פּעדערהויז, אין אוביקאַציע. מען האָט אָבער גאָרנישט געפונען.

בײַ אונדז אויפן טיש איז פון פריִער געלעגן אַן אויפרוף. אָט דער אויפרוף איז פאַרשוווּנדן פון טיש. מיר האָבן אים אַלע געזוכט מיט די אויגן, ווייסנדיק וואָסער געפאַר ער שטעלט מיט זיך פאָר, אָבער מיר האָבן אים נישט געזען. אָט דאָס רעטעניש האָט קיינער נישט געוווּסט צו לייזן. ווי דערשטוינט זענען מיר אָבער געוואָרן ווען דער זשאַנדאַרמעריע־אָפיציר האָט דאָס רעטעניש יאָ געלייזט. ער איז פּלוצלינג צוגעגאַנגען צו דער פרוי הענדלער און איר אַרויסגעצויגן פונעם מויל דאָס צעווייקטע שטיקל פּאַפּיר וואָס זי האָט בשום אופן נישט געקענט אַראָפּשלינגען. שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע פאָרמאַליטעטן זענען שוין געווען געענדיקט, האָט מען אונדז אַלע אָפּגעפירט אין דריטן צירקל.

עס זענען דאַן אַרעסטירט געוואָרן 11 מאַן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען: יאַנקעלעוויטש, פישמאַן, טירמאַן, שטערנפעלד, באָמבאַס, קאָנסעוויצקי, פּילאָטאָווסקי, הענעך מעטאַלאָוויעץ און הענדלער מיט דער פרוי.

ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוווּסט, זענען בײַ אַ דרײַ הונדערט אויפרופן געווען צוגעקלאַפּט מיט אַ טשוואָק אויף דער לינקער זײַט פון אַ בענקל, אויף וועלכן אַן עלטערער פּאָליציאַנט האָט זיך אַוועקגעזעצט בעת דער רעוויזיע און געכאַפּט דערווײַל אַ דרעמל. אַזוי אַרום זענען די אויפרופן ניצול געוואָרן און זענען נישט אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון דער „אָכראַנע".

נאָכן איבערנעכטיקן אין „קאָזע" פון דריטן צירקל זענען מיר אויף צו מאָרגנס עלף אַ זייגער, ווען דער יִדישער עולם איז גראָד געגאַנגען פון שיל (דאָס איז געווען שבת), אַרײַנגעפּאַקט געוואָרן אין אַ טורמעקעטשל און אָפּגעפירט אין דער „אָכראַנע"־אָפּטיילונג אויף דאַנילאָוויטשעווסקע־גאַס. איבערן גאַנצן וועג האָבן מיר אַלע אין כאָר געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער.

פון דער „אָכראַנע" האָט מען אונדז נאָך אַ קליינעם פאַרהער, ווו מיר זענען גערופן געוואָרן איינציקווײַז אין מיטן נאַכט, איבערגעשיקט געוואָרן אין קליינע גרופּעס, צו צוויי־דרײַ מענטשן, אין דער דערנעבנדיקער צענטראַל־טורמע אויף דאַנילאָוויטשעווסקע. דאָרט האָט מען אונדז אַלע אַרײַנגעזעצט אין איין קאַמער, אויסער דער פרוי עווקע, וועלכע מען האָט אָפּגעפירט אין דער פרויען־אָפּטיילונג פון דער זעלביקער טורמע.

דער גרעסטער טייל פון די אַרעסטירטע חברים זענען קיין מאָל נישט געזעסן אין תפיסה, די אַלע האָבן זיך פאַרהאַלטן רויִק. זיי האָבן געמיינט אַז אַזוי דאַרף זײַן, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. די אָבער וואָס האָבן שוין געהאַט דורכגעמאַכט אַן אַרעסט פון דער צאַרישער „אָכראַנע" זענען אַזוי רויִק נישט געווען. איבערהויפּט האָט זיך „געקאָכט" הענדלער, וועלכער האָט שוין דורכגעמאַכט אַ שטיקל צײַט טורמע־פעסטונג. קודם־כל האָט אים געוווּנדערט וואָס מען האָט אונדז אַלע אַרײַנגעזעצט צוזאַמען אין איין קאַמער, אין דער צײַט ווען די אויספאָרשונג איז נאָך נישט געווען געענדיקט. דאָס הייסט אַז די „אָכראַנע" גיט אונדז אַליין די מעגלעכקייט זיך צונויפצורעדן ווי אַזוי זיך צו פאַרטיידיקן. צווייטנס איז ער שטאַרק געווען צעטומלט נאָך דער ערשטער אויספאָרשונג צוליב די פראַגעס וואָס דער אויספאָרש־אָפיציר האָט אים געשטעלט. נישט אַנדערש — האָט ער געשריגן — אַז דאָ איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע און דער פּראָוואָקאַטאָר געפינט זיך צווישן אונדז. אַלזאָ, ווערזשע איז דער פּראָוואָקאַטאָר?

מיט איין וואָרט: עס איז געוואָרן פריילעך אין קאַמער, ווײַל דער חבר הענדלער איז געווען זייער אַ נערוועיִשער און אויפריכטיקער מענטש. ער האָט נישט געקאָנט עפּעס באַהאַלטן אין זיך. ער איז אַרומגעגאַנגען און זיך געפרעסן פאַר ווייטיק און כסדר קאָנפערירט אין דער שטיל מיט זײַנע פּאַרטיי־חברים, און בײַ דער גאַנ־

צער פאַרזיכטיקייט זייַנער זענען דאָך אַלע באַלד געווויר געוואָרן דערפון און די בהלה איז נאָך גרעסער געוואָרן. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה באַשולדיקונגען. קודם־כל זענען גענומען געוואָרן אויפן טיש די אַלע וואָס האָבן געווּוּסט פון דער זיצונג און האָבן געדאַרפט קומען אויף איר און זענען נישט געקומען. אַזעלכע זענען געווען דרייַ: בריליאַנטשטיין, פינקלקרויט און אַווּרעמל בעלפער. בריליאַנטשטיין, האָט מען געווּוּסט, איז אַ קראַנקער מענטש, ער האָט אָפט אַטאַקעס פון גאַלשטיינער און בייַ אים האָט געקאָנט טרעפן אַז ער זאָל זיך פילן שלעכט און נישט קאָנען קומען. דער צווייטער איז געווען פינקלקרויט. מען האָט אים טאַקע געזען נישט וויַיט פונעם טויער, ווּ די זיצונג איז פאָרגעקומען, אַרומגיין מיט זייַן מיידל לאָניע, וועלכע איז געווען אַן אָפטע אַרייַנגייערין צו הענדלערן אין שטוב און בייַ איר אין דער מופקע האָט זיך טאַקע געפונען דער שטעמפל פונעם אומלעגאַלן דרוקער־פאַראיין. מיר אַלע זענען געווען זיכער אַז אָט־אָט קומט ער אַרויף אויף דער זיצונג און דאָך איז ער נישט געקומען. הענדלער האָט אים אָבער פאַרטיידיקט צוליב דעם אומשטאַנד וואָס פינקלקרויט האָט נישט געקאָנט וויסן אַז „הענעך” דאַרף זיך באַטייליקן אויף דער זיצונג, וויַיל ער האָט גאָר געהערט צו דער פפ"ס־לעוויצע; איז געבליבן דער פאַרדאַכט נאָר אויף אַווּרעמל בעלפער, וועלכער האָט אַ שם פון אַ פלאַפּלער און אַ „באַשטעלער”. הענדלער איז אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג אין קאַמער אויף און אָפּ און נאָר געבעטן איין זאַך — אַ נס! עס זאָל זיך עפענען די טיר פון דער קאַמער און עס זאָל זיך באַוויַזן דער אַווּרעמל בעלפער, ער וואָלט שוין דאַן אַ לעבעדיקער פון זייַנע הענט נישט אַרויס.

און דער נס איז טאַקע געשען. אויף דעם פערטן טאָג פון אונדזער זיצן אין תפיסה עפנט זיך די טורמעטיר און עס פאַלט אַרייַן אונדזערס אַ חבר, הערשר לאַנגער מיט אַ פריידיקן אויסגעשרייַ: „לאַטקעס, עטץ זענט דאָ?!” ער כאַפּט זיך אַרום מיט אַלעמען קושן און עס ווערט היימלעך. מען זעצט זיך אַרום און לאַנגער דערציילט אונדז אַלץ וואָס עס איז פאָרגעקומען נאָך אונדזער אַרעסט.

קודם־כל — דערציילט ער — האָט דער אַרעסט געמאַכט אין שטאָט אַ געוואַלדיקן רושם, ווּ מען גייט און ווּ מען שטייט רעדט מען וועגן „גרויסן אַרעסט”. צווייטנס האָבן די דרוקערס, נישט געקוקט אויף דעם אַרעסט פון זייערע פאָרשטייערס, געוואָרפן די אַרבעט און דער שטרייַק האָט זיך אָנגעהויבן. דער ח' מאיר פינקלקרויט מיט נאָך עטלעכע חברים פירן אָן מיט דער שטרייַק־אַקציע, וועלכע האָט גרויסע שאַנסן געווּנען צו ווערן. נעכטן זענען פאָרגעקומען אונטערהאַנדלונגען אין האַנטווערקער פאַראיין אויף מיאַדאָווע־גאַס. די דרוקערייַ־באַלעבאַטים האָבן שוין אַ העלפט פון די פאָדערונגען נאָכגעגעבן. זיי וואָלטן אפשר אַלע פאָדערונגען נאָכגעגעבן, נאָר אַזוי ווי מיר האָבן אויך אַרויסגעשטעלט צו זיי די פאָדערונג אַז זיי זאָלן אינטערווענירן כדי אײַך צו באַפרייַען, האָבן זיי אָפגעלייגט די אונטערהאַנדלונגען אויפן מאָרגנדיקן טאָג בכדי צו פּראָבירן עפעס אונטערצונעמען. מיר האָבן זיי איינגערעדט אַז די מסירה שטאַמט פון זיי און אַז זיי זענען שולדיק אין אײַער אַרעסט.

אויף דער פראַגע ווי אַזוי ער איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט ער דערציילט אַן אומגלויבלעכע מעשה, וואָס האָט געקלונגען ווי אַ דעדעקטיוו־ראָמאַן: אַז ער זאָל זיך האָבן באַהאַלטן אין אַ שאַנק, אינעם צימער ווּ ס'איז פאָרגעקומען די זיצונג פון די באַלעבאַטים. דער וואָזשנע האָט אים דאָרט דערווישט און אים איבערגעגעבן דער פאָליציי. אַזוי אַרום איז ער דאָ געקומען צו אונדז.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשושקערייַ צווישן אים מיט די חברים בונדיסטן וועגן דעם וועמען די גאַס איז חושד אין דער פּראָוואָקאַציע. וויַזט אויס אַז ער האָט געברענגט אַ קאָנקרעטע באַשולדיקונג, וויַיל די אַלע פריערדיקע חשדים זענען פלוצלינג אָפּגעפאַלן און דער עולם האָט זיך באַרויִקט.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אַרייַנגעקומען אַ באַאַמטער אין קאַמער און פאָרגעלייענט אונדזער אורטייל אַז די קאַנצעלאַריע פון גענעראַל־גובערנאַטאָר אין וואַרשע באַשטראָפט אונדז אַדמיניסטראַטיוו פאַר פאַרזאַמלען זיך אומלעגאַל מיט תפיסה־טערמינען פון איין ביז צוויי חדשים.

— מיר זיצן אַלע און גלאָצן מיט די אויגן. דאָס איז עס אין גאַנצן?

פאַר דעם האָבן מיר זיך געשראָקן? מיר זענען געווען זיכער, אַז מינדעסטנס וועלן מיר באַקומען אַ יאָר פעסטונג און דערנאָך אַ „וויסילקע” אין די וויַיטע רוסישע גובערניעס. סוף־כל־סוף האָט די זשאַנדאַמעריע גאַנץ גוט געוווּסט צו וועלכן צוועק מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט. זי איז גאַנץ גוט געווען אָריענטירט אַז מיר זענען די פאַרוואַלטונג פונעם אומלעגאַלן דרוקער־פאַראיין און דערצו נאָך ווען זיי האָבן געפונען בייַ אונדז אַן עקזעמפּלאַר פון אַן אומלעגאַלן אויפרוף צו אַ שטרייַק... מיר האָבן זיך געשראָקן אויף נאָך ערגערס. קודם־כל זענען מיר געווען זיכער אַז מען וועט פאַרפירן קעגן אונדז אַ פּראָצעס און ביזן פּראָצעס קאָנען מיר אָפּזיצן לאַנגע חדשים. צווייטנס, האָבן מיר זיך געשראָקן פאַר דעם פּראָוואָקאַטאָר, ער זאָל אונדז נישט צוטשעפען קיין פאַרטיי־אָנגעהעריקייט און אונדזער „דיעלאָ” וואָלט זיך געקאָנט פאַרוואַנדלען אין אַ פּאָליטישן פּראָצעס. סוף־כל־סוף איז פאַר אונדז געווען זייער קאָמפּראָמיטירנדיק דער פאַקט וואָס אין אונדזער זיצונג האָט אָנטייל גענומען „הענעך מעטאַלאָוויעץ” — אַ גוט באַקאַנטע פיגור פאַר דער צאַרישער „אָכראַנע”. דאָס האָט געקאָנט אַרויספירן דעם פּראָצעס אויף אַ פּאָליטישן באָדן, און ווער ווייסט וואָסער „ווירעקן” מיר האָבן געקאָנט אָפּרייסן. אַלזאָ, דער באַרג האָט געבוירן אַ מויז. מיר האָבן שוין געציילט די טעג פון אונדזער באַפרייַונג.

אין אַ פאָר טעג אַרום איז באַפרייַט געוואָרן דער לוסטיקער און פריילעכער הערשל לאַנגער, וועלכער איז אַ גאַנצן טאָג אַרומגעגאַנגען אין קאַמער און געזונגען. מיט זייַן אַרויסגיין אויף דער פרייַ איז אונדז געוואָרן גאַנץ קאַלעמוטנע. עס האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די רייַבונגען צווישן די חברים וועגן דער פּערזאָן פון פּראָוואָקאַטאָר, וויַיל נאָכן באַפרייען דעם חבר לאַנגער האָבן מיר זיך דערווּוּסט אַז דער פּראָוואָקאַטאָר געפינט זיך צווישן אונדז אין טורמע, און אַז נאָר אַ דאַנק דעם אומשטאַנד וואָס ער איז צוזאַמען מיט אונדז אַרעסטירט געוואָרן האָט די צאַרישע „אָכראַנע” פאַרטושט אונדזער שולד, נישט געוואָלט פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן אונדז, און אונדז געגעבן די קלענסטע אַדמיניסטראַטיווע שטראָף.

אַזוי ווי איך בין נאָך דעמאָלט געווען מינדעריעריק, האָב איך געהערט צו די וועלכע האָבן באַקומען די קלענסטע שטראָף. נאָך מייַן אַרויסגיין פון תפיסה איז דער שטרייַק אין אַלגעמיין שוין געווען ליקווידירט. אָבער אין איינצלנע ערטער, אין די גאָר קליינע דרוקערייַען, האָט נאָך ווּ־נישט־ווּ געדויערט דער קאָנפליקט. דאָס זענען געווען נאָכווייענישן פון דעם פאַרענדיקטן שטרייַק. אַזוי האָט אין דער דרוקערייַ פון דראַכלע אויף זשאַביע־גאַס נאָך געאַרבעט אַ שטרייַקברעכער און בעת איך בין געגאַנגען אַהיים פון טורמע האָבן אויפן וועג אָנגעטראָפענע חברים מיר איבערגעגעבן דעם פאַל. איך בין גלייַך אַרייַן מיט חברים אין דער דרוקערייַ ווּ מיר האָבן באַזייַטיקט דעם שטרייַקברעכער. דער אייגנטימער דראַכלע האָט געמאַכט אַ געוואַלד און עס איז טאַקע אָנגעלאָפן אַ פאָליציאַנט פון באַנקפּלאַץ און אונדז אַרעסטירט. איבערן וועג אין צירקל אַרייַן האָבן מיר זיך בייַ אים אויסגעקויפט פאַר צוואַנציק קאָפּיקעס און פאַרשפּאָרט ווידער אָנצוקוקן די ווענט פון דער צאַרישער תפיסה.

ערשט ווען אַלע זענען שוין געווען אויף דער פרייַ, האָבן מיר זיך דערווּוּסט אַז „הענעך מעטאַלאָוויעץ”, וועלכער איז געזעסן צוזאַמען מיט אונדז, ווערט באַשולדיקט פון זייַן פאַרטיי „בונד” אין פּראָוואָקאַציע. אַלזאָ, צוליב איר מיטאַרבעטער „הענעך מעטאַלאָוויעץ” האָט די צאַרישע „אָכראַנע” מיט אונדז אָפּגעשפּילט אַ קאָמעדיע, כדי צו ראַטעווען איר אַגענט פון תפיסה.

דער אומלעגאַלער דרוקער־פאַראיין האָט אַזוי געלעבט און עקסיסטירט ביזן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין די טעג פון דער מלחמה, ביז דער דייַטשישער אָקופּאַציע פון וואַרשע, איז ער זיך צעפאַלן פשוט דערפאַר וויַיל עס איז געוואָרן אַ קריזיס אין די דרוקערייַען. עס איז נישט געווען קיין אַרבעט, פיל פון די דרוקער־אַרבעטער זענען אַוועק אין מיליטער־דינסט, זיך צעפאָרן אין פאַרשידענע זייַטן, און עס איז געבליבן אַ פוסטקייט ביז דעם אַנטשטיין פונעם לעגאַלן פאַראיין פון ייִדישע דרוקער־אַרבעטער אין וואַרשע, ענדע 1915.

(פון „פנקס פון ייִדישע דרוקערס אין
פוילן", פאַרלאַג „דאָס נייַע לעבן", וואַר־
שע 1949).

פראָפעסאָר דר׳ מ. באַלאַבאַן

וואַרשע די גרעסטע יידישע קהלה אין אייראָפע

ווארשע, די הויפט- און רעזידענץ-שטאָט פון פוילן, האָט אין יאָר 1921 געציילט 956,000 איינוואוינערס, דערונטער 322,000 יידן, וועלכע האָבן געוואוינט דאָס רוב אינעם צפון-טייל פון דער שטאָט.

די געשיכטע פונעם יידישן יישוב אין ווארשע גרייכט צוריק ביז צום 14טן יאָרהונדערט. די עלטסטע נאָטיץ וועגן א ייד אין ווארשע (וועגן דעם פינאנציסט לאזארוס) שטאמט פונעם יאָר 1414, און וועגן דער „יידנגאס" פון יאָר 1430. די דאָזיקע „יידנגאס" איז געלעגן אין עלטסטן פערטל פון דער שטאָט, וואו עס געפינט זיך היינט דער „שמאָלער דוניי". דאָס יידישע בית עולם איז געווען דאָרט וואו עס איז היינט דער שלאָספלאץ. אין יאָר 1454 איז אין ווארשע אויסגעבראָכן א פאָגראָם וועלכער האָט איבערגעריסן אויף א געוויסער צייט די אנטוויקלונג פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ווארשע, דערנאָך איז אין יאָר 1483 אויסגעבראָכן א צווייטער פאָגראָם, נאָך וועלכן אלע יידן זענען ארויסגעטריבן געוואָרן פון דער שטאָט און זייערע הייזער, שולן און דער בית עולם זענען פארקויפט אָדער פארפאכטעט געוואָרן צו קריסטן. זינט יענעם יאָר באזיצט די שטאָט די פריווילעגיע פון אומטאָלעראנץ קעגן יידן, וועלכע איז באשטעטיקט געוואָרן דורכן פוילישן קעניג זיגמונט דעם ערשטן נאָך דעם ווי ער האָט איבערגענומען מאזאָווישע (1527), און אויך דורך אלע שפעטערדיקע מלכים. אומזיסט האָבן איינצלנע יידן ווי אויך גרעסערע גרופעס געפרואווט אומצוגיין דאָס געזעץ און זיך באזעצן אין דער שטאָט. יעדעס מאָל איז זייער פלאן צו נישט געוואָרן דורך דעם מאגיסטראט, וואָס האָט שטרענג מקפיד געווען אז אין ווארשע זאָל זיך נישט פארוואָרצלען קיין יידישער יישוב.

דער קאַמף פאַר יידישע וואוינרעכט אין וואַרשע

ווען צום סוף פון 16טן יאָרהונדערט איז די רעזידענץ, — און צוזאמען מיט איר אויך די סיימען — אריבערגעטראָגן געוואָרן קיין ווארשע, האָבן די פריצישע סענאטאָרן און דעפוטאטן מיטגעבראכט קיין ווארשע „זייערע יידן". אָבער יעדעס מאָל ווען דער סיים פלעגט געשלאָסן ווערן, האָבן די יידן נישט געטאָרט לענגער בלייבן אין דער שטאָט און האָבן געמוזט אוועקפאָרן מיט זייערע סחורות. מיט דער צייט האָט מען די יידן דערלויבט געזעצמעסיק צו וואוינען און האנדלען אין ווארשע בעת די סיים-סעסיעס, ווי אויך צוויי וואָכן פריער און צוויי וואָכן שפעטער. דאָס האָבן א טייל יידן אויסגענוצט אזוי אז זיי האָבן אין ווארשע מאגאזינירט אויף א לענגערער צייט זייערע סחורות און אויף דעם אופן געהאט א סטאבילן זיץ.

אין 18טן יאָרהונדערט, ווען מ׳האָט אין פוילן פאר געלט און פאר א גוט וואָרט געקאָנט אלץ מאכן, האָבן מערערע הונדערטער יידישע פאמיליעס זיך באזעצט אין ווארשע און דערפאר געצאָלט דעם קרוינמארשאל לובאָמירסקי, וואָס האָט געהאט די העכסטע מאכט איבער דער שטאָט, דעם אזוי גערופענעם „טאָגצעטל", וואָס האָט אויסגעמאכט 15 גראָשן פאר יעדע 5 טעג. דער קרוינמארשאל האָט פון דעם דאָזיקן אָפצאָל געהאט א הכנסה פון 200 טויזנט גילדן יערלעך. אויסער דעם האָבן די צוויי גרויסע פריצים פאָטאָצקי און סולקאָווסקי געגרינדעט צוויי יידישע שטעטלעך אין דער אומגעגנט פון דער שטאָט („נאָווי-פאָטאָק" — וואו עס איז היינט די טאָוואראָווע גאס — און „נאָווא-יעראָזאָלימא" — דאָרט וואו עס געפינט זיך דער הויפט-באנהויף).

אין די דאָזיקע שטעטלעך האָבן זיך געזעצמעסיק באזעצט די יידישע סוחרים און האנטווערקער און דאָרט אהין האָט זיך איבערגעטראָגן דער האנדלס-צענטער פון דער שטאָט. די קריסטלעכע בירגערס האָבן אָבער נישט געוואָלט דולדן די דאָזיקע עבירה קעגן דער פריווילעגיע פון אומטאָלעראנץ קעגן יידן און האָבן דורכויס פארלאנגט פונעם קרוינמארשאל לובאָמירסקי, ער זאָל ארויסטרייבן די יידן. לובאָמירסקי האָט טאקע באפוילן די מאגנאטן ארויסצוזעצן זייערע יידן פון נאָווי-פאָטאָק און נאָווא-יעראָזאָלימא, און ווען זיי האָבן נישט געפאָלגט האָט ער געלאָזן מיטן כוח פון מיליטער אויפברעכן די יידישע הייזער, קאָנפיסקירט די סחורות מיט די מטלטלין און זיי פארקויפט אויף ליציטאציע. די יידן גופא האָט ער ארויסגעטריבן ווייט אויסערהאלב פון די שטאָטגרענעצן. אין די נאָענטסטע יאָרן האָבן זיך ווידער באזעצט עטלעכע הונדערט יידישע פאמיליעס אין ווארשע, אָבער דעם 14טן מיי 1784 זענען זיי ווידער א מאָל אויסגעוויזן געוואָרן דורכן קרוינמארשאל מנישעק.

וואַרשעווער יידן בעתן „גרויסן סיים"

אין אָקטאָבער 1788 איז צונויפגערופן געוואָרן קיין ווארשע דער „גרויסער סיים", וועלכער האָט געדויערט פיר יאָר, און די יידן האָבן אזוי ארום באקומען די לעגאלע מעגלעכקייטן צו וואוינען אין ווארשע. זיי האָבן געדונגען וואוינונגען און קראָמען אין דעם גרויסן פאלאץ פונעם פריץ פאָטשעי (פאָטשעיוו האָט געהייסן אין ווארשע דער מארק פון ביליקע סחורות אויף באגנע-גאס), וואו עס איז דער היינטיקער טעאטער-פלאץ, ווי אויך אין די פאלאצן און היימען פון פאָטאָצקי און ביעלינסקי (טלאָמאצקע און קלאָפאָצקע וואו עס איז געווען די ביעלאנסקע-גאס) און האָבן דאָרט פריי געטריבן האנדל און מלאכה. אָבער די קריסטלעכע סוחרים און צעכאָווע האנדווערקערס האָבן אנגעווענדט אלע השתדלות כדי צו מאכן א סוף צו דער דאָזיקער לעגאלער קאָנקורענץ און האָבן די פראגע געבראכט אויף דער טאָג-אָרדענונג פון דעם שטעט-צוזאמענפאָר, וואָס אין דעמאָלט פאָרגעקומען אין ווארשע. איינער פון די הויפטפונקטן פונעם פראָגראם וואָס די דאָזיקע דעלעגאטן פונעם פוילישן בירגערטום האָבן פאָרגעשלאָגן דעם פוילישן סיים איז געווען ארויסצוטרייבן די יידן פון די שטעט וואו דער אויפהאלט פאר יידן איז ביז דעמאָלט געווען פארבאָטן, און צו באגרענעצן די יידישע רעכט אין האנדל און מלאכה דאָרט וואו דער יידישער יישוב איז געווען לעגאל. די ווארשעווער פוילישע האנטווערקער האָבן אָבער נישט געוואָלט ווארטן ביז די דאָזיקע פעטיציע וועט דערלעדיקט ווערן און האָבן געפאָדערט פונעם קרוינמארשאל אז ער זאָל באלד פארטרייבן די יידן פון דער שטאָט. אזוי ווי ער האָט זייער וואונטש נישט באלד אויסגעפירט, האָבן זיי דעם 15טן מיי 1790 איינגעאָרדנט אן אמתן פאָגראָם, בעת וועלכן מ׳האָט געשלאָגן יידן אין די גאסן, אויפגעבראָכן די יידישע קראָמען, זיי אויסגעפלינדערט און ארויסגעטריבן די יידישע קרעמערס ווייט אויסערהאלב פון דער שטאָט.

צו מאָרגנס נאָכן פאָגראָם האָט דער סיים-דעפוטאט בוטרימאָוויטש אריינגעטראָגן אן אינטערפעלאציע וועגן דער דאָזיקער אנגעלעגנהייט און האָט געפונען אונטערשטיצונג ביי פיל דעפוטאטן פון

דער שליאַכטע, וועלכע האָבן אין די עקסצעסן פונעם המון געזען די השפעה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. עס איז באַלד געוויילט געוואָרן אַ קאָמיסיע אויסצופאָרשן דעם ענין ווי אויך צו רעגולירן די יידן־פראַגע אין פוילן, און גלייכצייטיק איז די יידן דערלויבט געוואָרן זיך אומצוקערן קיין וואַרשע. די פאַרטריבענע האָבן זיך אומגעקערט אין דער שטאָט, כדי דאָס מאָל שוין ענדגילטיק דאָ צו בלייבן.

פאַטריאָטיזם פון די וואַרשעווער יידן

די קאָנסטיטוציע פון 3טן מיי 1791 האָט די יידן קיין נייע רעכט נישט געגעבן. דער יידישער סטאַטוס, איבער וועלכן ס'האָט געאַרבעט די אויבן דערמאָנטע קאָמיסיע, איז קיין מאָל נישט פאַרטיק געוואָרן, אָבער די יידן זענען אין וואַרשע געבליבן און האָבן אין גיכן באַלייגט אַן אויסגעצייכנטע צייגעניש פון זייער פאַטריאָטיזם און ליבע צום לאַנד. ווען וואַרשע איז אין יאָר 1794 באַלאַגערט געוואָרן דורך די רוסן (בעתן אויפשטאַנד פון קאָשציושקאָ), האָט אויך דער ייד בערעק יאָסעלעוויטש גערופן זיינע גלויבנס־גענאָסן צום געווער און האָט פאָרמירט אַ יידישן פאָלק, וואָס איז כמעט ביז צום לעצטן מאַן אויסגעקוילעט געוואָרן. דער העלדנמוט פון די יידישע קעמפערס האָט אָבער נישט דערנענטערט די יידן מיט די וואַרשעווער בירגערלעכע עלעמענטן, וועלכע האָבן געפאָדערט פונעם רוסישן קאָמענדאַנט בוקסהעוודען, ער זאָל ווידער אַ מאָל אַרויסטרייבן די יידישע סוחרים און בעל־מלאכות. בוקסהעוודען האָט אָבער נישט מסכים געווען און האָט דערלויבט די דאָזיקע יידן וואָס האָבן געוואוינט אין וואַרשע בעתן אַריינמאַרש פון די רוסן, דאָ ווייטער צו בלייבן און אויך צו עפענען 60 גאָרקיכן אין עטלעכע „יידנגאַסן”.

די „זעקס־און־ניינציקער”

בעת דער דריטער צעטיילונג פון פוילן (1795) איז וואַרשע צוזאַמען מיטן צפון פון פוילן צוגעפאַלן פרייסן. דאַן האָבן די שוין אין וואַרשע וואוינענדיקע יידן באַקומען דאָס לעגיטימע וואוינרעכט. אַזוי ווי דאָס איז געשען אין יאָר 1796, האָט מען די ערשטע וואַרשעווער יידן גערופן זעקס־און־ניינציקער. מען האָט דאַן די יידן באַפוילן אָנצונעמען דייטשע נעמען און צו צאָלן צוזאַמען מיט די אַנדערע פרייסישע יידן די פאָרגעשריבענע שטייערן. דאָס נייע פרייסישע יידן־געזעץ פון יאָר 1797 איז אויסגעשפרייט געוואָרן אויך אויף די וואַרשעווער יידן. אָבער שוין אין יאָר 1798 האָט מען זיי ווידער געוואָלט אַרויסטרייבן פון דער שטאָט. מען האָט אָבער באַלד דעם דאָזיקן פלאַן געלאָזט פאַלן און געטיילט די יידן לויטן פרייסישן מוסטער אין צוויי קאַטעגאָריעס: 1) די דאָזיקע וואָס האָבן זיך געהאַט באַזעצט אין וואַרשע אין די יאָרן 1796—1799 און 2) די וואָס זענען דערנאָך געקומען. די יידן פון דער ערשטער קאַטעגאָריע האָבן געצאָלט נאַרונגס־שטייער, וואָס האָט געבראַכט 210 טויזנט פוילישע גילדן יערלעך, און טאָלעראַנץ־שטייער. די פון דער 2טער קאַטעגאָריע זענען באַהאַנדלט געוואָרן אַלס פרעמדע און האָבן, אויסער פיל אַנדערע צאָלונגען, געמוזט אַריינטראָגן 1 גילדן טעגלעך פאַרן אַזוי גערופענעם „טאָגצעטל”.

די כשר - פלייש - טאַקסע

אין יאָר 1800 איז דער נאַרונגס־שטייער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צוגאָב־אָפצאָל פון כשר־פלייש וואָס האָט לכתחילה קוים געבראַכט די 210 טויזנט גילדן, דערנאָך אָבער איז די הכנסה דערפון געשטיגן ביז 10,000 רובל יערלעך און צוגענומען ביים אָרעמען יידן דאָס שטיקל פלייש פון מויל. בעת דער פרייסישער הערשאַפט האָבן צוגעשטראָמט קיין וואַרשע פיל יידישע פאַמיליעס פון דייטשלאַנד און האָבן דאָ באַקומען אַ גרויסע השפעה, צוליב וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע אַסימילאַציע, וועלכע איז אידענטיפיצירט געוואָרן מיטן דייטשטום (מען פלעגט טאַקע רופן אין פוילן די פאָרגעשריטענע יידן, וואָס זענען געגאַנגען אייראָפעאיש געקליידט, „דייטשן”).

די בירגערלעכע גלייך־באַרעכטיקונג און דער קאַמף קעגן איר

די קאָנסטיטוציע פון הערצאָגטום וואַרשע (קשענסטוואָ וואַרשאַווסקיע), וואָס האָט עקסיסטירט פון 1807 ביז 1815, האָט געגעבן די יידן בירגערלעכע גלייך־באַרעכטיקונג און דערמיט דאָס אַקטיווע און פאַסיווע וואַלרעכט צום סיים און צו דער גמינע־פאַרוואַלטונג, צו גלייך מיט דער אַנדערער שטאָטישער באַפעלקערונג. די שליאַכטע און דאָס בירגערטום האָבן אָבער נישט מסכים געווען מיט דעם און האָבן אָנגעווענדט אַלע מיטלען אַז דער באַטרעפנדיקער פונקט אין דער קאָנסטיטוציע זאָל געענדערט ווערן. זיי זענען אונטערגעשטיצט געוואָרן דורך די אָרטאָדאָקסישע יידן אונטער דער פירונג פון דעם לובלינער רבין ר' יעקב יצחק האָראָוויץ און פון קאָזשעניצער מגיד ר' ישראל, וועלכע האָבן די גלייך־באַרעכטיקונג באַטראַכט אַלס אַ פרוזדור צו אַסימילאַציע און גאָטלאָזיקייט. אַ דאַנק דער אַלגעמיינער השתדלות פון די יידן און קריסטן האָט פרידריך אויגוסט, דער הערצאָג פון וואַרשע, אָפגעשטעלט די בירגערלעכע רעכט פון די יידן אויף 10 יאָר, ביז זיי וועלן זיך אַרויסווייזן אַלס ראוי צו געניסן פון דער דאָזיקער וואוילטאַט (1808). די דינע שיכט פון די דייטשע יידן האָט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער פאַראָרדענונג און האָט באַלייגט אַ שאַרפן פראָטעסט קעגן דעם (1811). עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן און באַלד זענען די יידן פאַרטריבן געוואָרן פון פיל גאַסן, און היות זיי זענען דערקלערט געוואָרן אַלס נישט ראוי צו מיליטער־דינסט, האָבן זיי געמוזט דערפאַר צאָלן אַ היפשן מיליטער־שטייער.

דער „דאָזאָר בוזשניטשני”

די רעגירונג פון קעניגרייך פוילן (קרולעסטוואָ פאָלסקיע), וואָס האָט עקסיסטירט פון 1816 ביז 1831, האָט זיך געהאַלטן ווייטער אָן דער זעלבער שיטה. עס זענען געבליבן די זעלבע יידן־שטייערן, און ווען עס זענען אַריבער די 10 יאָר איז די פאָליטישע גלייך־באַרעכטיקונג פון די יידן נאָך אַלץ געבליבן אָפגעשטעלט. בלויז איין ענדערונג איז פאָרגעקומען לגבי די יידן: דער „קהל”, וואָס האָט אַזוי שווער געלאַסטעט אויף די יידן, איז אין יאָר 1824 אין וואַרשע און אין גאַנץ קאָנגרעס־פוילן אָפגעשאַפט געוואָרן, און אויף זיין אָרט איז געשאַפן געוואָרן דער אַזוי גערופענער „דאָזאָר בוזשניטשני” מיט זייער באַשרענקטע קאָמפעטענצן (שילען, בית־עולם, ראַבינאַט). דער דאָזיקער „דאָזאָר בוזשניטשני” האָט עקסיסטירט ביזן יאָר 1829, ווען עס איז איינגעפירט געוואָרן די שפעטערדיקע געמיינדע־אָרדענונג, און האָט געבראַכט מיט זיך אַ ירידה פונעם יידישן געמיינדע־לעבן.

די אַנטשטייונג פונעם יידישן האַנדלס - צענטער אויף נאַלעווקעס

אַזוי זענען די וואַרשעווער יידן געבליבן אָן בירגערלעכע רעכט און געוואָרן אַ שפילבאַלעם אין די הענט פון יעדער מאַכט. אַלע פאָר יאָר האָט מען אַרויסגעטריבן פון אַנדערע גאַסן, און אין יאָר 1819 זענען אַלע יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן פונעם טעאַטער־פלאַץ און מען האָט זיי באַשטימט אַלס וואוינאָרט דעם שטח פונעם זאַקסישן גאָרטן אויף קרולעווסקע איבער דער מאַרשאַלקאָווסקע ביז שוויענטאָקשיסקע. ווען מען האָט אין די 40קער יאָרן גענומען בויען די ווינער באַן, האָבן די יידן געמוזט פאַרלאָזן זייערע גרונט־פלעצער און הייזער, וועלכע זיי האָבן ערשט מיט 20 יאָר צוריק געקויפט פאַר גרויסע געלטסומעס, און זיך איבערגעצויגן אויף נאַלעווקעס, וואָס איז געוואָרן דער יידישער האַנדלס־צענטער.

די דאָזיקע און ענלעכע שיקאַנעס פון דער מאַכט האָבן געדויערט ביזן יאָר 1862, ביז די רעפאָרמען פון מאַרקגראַף וויעלאָפאָלסקי. דורך דעם דעסקריפט פון 6טן מיי 1861 האָבן די יידן באַקומען דאָס אַקטיווע און פאַסיווע וואַלרעכט אין די געמיינדע־ראַטן (ראַדי גמיננע) און דעם 24טן מיי 1862 איז אין גאַנצן בטל געוואָרן דער דעסקריפט פונעם וואַרשעווער הערצאָג פון יאָר 1808 און די יידן האָבן באַקומען פרייע וואוינרעכט, רעכט אויף האַנדל און מלאכה, ווי אויך אויף צו קויפן גיטער און זיי צו באַאַרבעטן אאַז״וו.

גלייך־באַרעכטיקונג און אַסימילאַציע

מיט דער גלייך־באַרעכטיקונג איז אויך געקומען די אַסימילאַציע און די ליבע צום פאָטערלאַנד, וועלכע איז געקומען צום אויסדרוק בעתן אויפשטאַנד אין יאָר 1863. די וואַרשעווער יידן האָבן זיך באַטייליקט אין די מאַניפעסטאַציעס קעגן די רוסן און שוין ביים ערשטן צוזאַמענשטויס מיט די קאָזאַקן איז אויף 4 פּאָליאַקן געפאַלן איין יידישער בחור. די שותפותדיקע לוויה, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט צו גלייך מיטן אַרצעביסקופּ די רבנים ר' בעריש מייזעלס און יאַסטראָוו און האָבן געזאָגט יידישע תפילות אויפן קריסטלעכן בית עלמין, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרברידערונגס-מאַניפעסטאַציע צווישן יידן און קריסטן, וואָס האָט ביז דאַן נישט געהאַט איר גליכן. אויך זייער פיל יידישע יונגע־לייט, דערונטער דער רוב תלמידים פונעם ראַבינער־סעמינאַר, האָבן אָנטיילגענומען אינעם אויפשטאַנד און האָבן באַצאָלט פאַר זייער פּאַטריאָטיזם מיטן לעבן אָדער מיט לאַנגיאָריקן גלות אין סיביר. נאָכן אויפשטאַנד האָט די רוסישע רעגירונג (נאַמיעסטניק גראַף בערג) גענומען אָנווענדן רעפּרעסיעס, פון וועלכע עס האָט אויך שטאַרק געליטן די יידישע באַפעלקערונג. דערפאַר אָבער זענען די באַציאונגען צווישן די יידן און די פּאָליאַקן געווען גוטע, אַ דאַנק וואָס, די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן האָט זיך אָנזעעוודיק געבעסערט. באַלד אָבער איז אויסגעבראָכן די רעאַקציאָנערע כוואַליע. די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג, וואָס האָט זיך דעמאָלט אָנגעהויבן אין גאַנץ אייראָפּע, האָט אויך אין פּוילן און אין וואַרשע געצייטיקט אירע ערשטע פּרוכטן (יעסקע־כאַינסקי, יאַן יעלענסקי און זיין זשורנאַל „ראָליאַ" א"א) — בפרט נאָך אַז אין יאָר 1882 זענען אין דרום־רוסלאַנד אויסגעבראָכן די פּאָגראָמען, צוליב וואָס אַ גרויסע צאָל יידן האָבן געמוזט אויסוואַנדערן פון די דאָזיקע פּראָווינצן. הונדערטער טויזנטער יידן האָבן עמיגרירט מעבר לים קיין אַמעריקע, אָבער פיל פון זיי האָבן זיך באַזעצט אין קעניגרייך פּוילן און באַזונדערס אין די גרויסע האַנדלס־צענטערס וואַרשע, לאָדזש א"א, און האָבן פאַרפלאַנצט אין דעם שטאַרק פּאָלאָניזירטן יידנטום די רוסישע קולטור.

די צוואַנדערונג פון די רוסישע יידן

אין ציפערן שטעלט זיך פאָר די צואַוואַנדערונג פון די אַזויגערופענע „ליטוואַקעס" קיין וואַרשע אויף אַזאַ אופן: אין יאָר 1813, 8000 יידן אין וואַרשע; 1864: 72,000; 1882: 129,294, ד"ה 33,40 פּראָצ. פון דער אַלגעמיינער צאָל באַפעלקערונג אין וואַרשע; 1887: 150,558, ד"ה 34,28 פּראָצ.; 1897: 212,892 — 35,39 פּראָצ.; 1902: 263,824 — 35,81 פּראָצ. 1910: 305,061 — 39,18 פּראָצ.

די דאָזיקע צואַוואַנדערונג פון דער יידישער און דערצו קולטורעל פרעמדער (רוסישער) באַפעלקערונג האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די שנאה צו יידן מצד די קריסטלעכע סוחרים און האַנדווערקערס און האָט ענדלעך אין יאָר 1911 דערפירט צו אַן אָפענעם ברוך אין די פּויליש־יידישע באַציאונגען. אין דעם דאָזיקן יאָר זענען פאָרגעקומען די וואַלן צו דער 4טער רוסישער דומע און די יידן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שטימען פאַרן קאַנדידאַט פון דער פּוילישער נאַצ. דעמאָקראַטיע (קוכאַזשעווסקי) וואָס האָט זיך אָפן דערקלערט אַלס שונא־ישראל, נאָר זיי האָבן געשטימט פאַר דעם פּוילישן אַרבעטער יאַגעללאָ, וועלכער איז טאַקע געוויילט געוואָרן. די פּאָליאַקן האָבן דאָס נישט געקענט מוחל זיין און האָבן דערקלערט די יידן נישט בלויז אין וואַרשע נאָר אויך אין גאַנץ קאָנגרעס־פּוילן, אַן עקאָנאָמישן באָיקאָט.

וואַרשע אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און באַזונדערס אין די ערשטע קריגסיאָרן האָט די יידישע באַפעלקערונג אין וואַרשע זייער פיל געליטן. צענדליקער טויזנטער יידישע היימלאָזע זענען אָנגעקומען קיין וואַרשע און האָבן דאָ געמוזט אויסגעהאַלטן ווערן דורך דער עפנטלעכער וואוילטעטיקייט. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע האָבן די יידן צוזאַמען מיט די אַנדערע איינוואוינערס געליטן הונגער און נויט, זיי האָבן אָבער געקענט פרייער אָפּאָטעמען און זיך פּאָליטיש אַנטוויקלען. אויף דער דאָזיקער צייט פאַלט אויס דער שטאַרקער אויפשוואונג פון דער יידישער זעלשאַפטלעכער באַוועגונג, די גרינדונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, די אָרגאַניזירונג פון די אָרטאָדאָקסן און פון די לינקע פּאַרטייען: בונד, פּועלי־ציון, פאַראייניקטע, א"א. די אַלע פּאַרטייען האָבן אַרויסגעגעבן זייערע טאָגצייטונגען אָדער וואָכנבלעטער. די דייטשע אָקופּאַנטן, וואָס האָבן געגלויבט דאָ צו בלייבן, האָבן אונטערגעשטיצט די יידישע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג און האָבן אַרויסגעגעבן אַ סטאַטוט פאַר די יידישע קהילות (1916) און עס זענען גאַראַנטירט געוואָרן די רעכט פון די יידן אַלס נאַציאָנאַלע מינדערהייט.

אין אומאָפּהענגיקן פּוילן

די נייע פּוילישע מלוכה האָט איבערגעלאָזן די פּאָליטישע פרייהייטן פאַר די יידן, אָבער זי האָט אָנגעהויבן אַ גאַנץ אַנדערע פּאָליטיק צו וועלכער די יידישע פּאַרטייען האָבן זיך געמוזט צופּאַסן. דאָס האָט געבראַכט צום גיכן פונאַנדערפאַל פון דער פאָלקס־פּאַרטיי און צו דער שטאַרקונג פון די ציוניסטן און אָרטאָדאָקסן. די שטאַרקע אַנטוויקלונג פונעם האַנדל און פון דער גרויס־אינדוסטריע אין די ערשטע יאָרן נאָכן קריג (בעת דער אינפלאַציע) האָט אויך באַקרעפטיקט די אַרבעטער־פּאַרטייען, באַזונדערס דעם „בונד", וועלכער האָט געהאַט צווישן דער יידישער אָרעמקייט אַ געוויסן איינפלוס. טראָץ דעם האָבן די לינקע יידישע פּאַרטייען נישט געקאָנט דורכפירן קיין איינציקן דעפּוטאַט אין קיינעם פון די דריי ביז איצטיקע פּוילישע סיימען.

דאָס קולטור- און שול - וועזן אין יידישן וואַרשע ביזן יאָר 1928

אין יאָר 1820 זענען געגרינדעט געוואָרן די ערשטע דריי יידישע פאָלקסשולן און די אויפזיכט איבער זיי איז איבערגעגעבן געוואָרן צום באַקאַנטן שריפטשטעלער יעקב טוגנדהאָלד. דאָס פּראָגראַם פון די דאָזיקע שולן האָט אַרומגענומען אַלגעמיינע און יודאַיסטישע לימודים. די שולן זענען פאַרוואַלטעט געוואָרן דורך דער מלוכה, אָבער זייער בודזשעט האָט געמוזט געדעקט ווערן פון די ספּעציעלע יידישע שטייערן (אויפנטהאַלטס־קאַרטן, כשר־פליישטאַקסע). די פרעקווענץ אין די שולן איז לכתחילה געווען אַ גלענצנדיקע (אין ערשטן יאָר 300 שילער), באַלד אָבער האָבן אין דער קהילה זיך אָנגעהויבן רייבונגען צווישן די אָרטאָדאָקסן און די אַזויגערופענע „דייטשן" און דאָס איז נישט געבליבן אָן איינפלוס אויפן שול־באַזוך. דער חסידיזם אין וואַרשע, ווי אין פּוילן בכלל, איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאַרקער. אין יאָר 1843 איז דער גערער רבי ר' איטשע מאיר אַלטער באַשטימט געוואָרן אַלס ערן־מיטגליד פון וואַרשעווער ראַבינאַט, אין וועלכן ער איז שפּעטער, אין יאָר 1852, געוויילט געוואָרן אַלס דיין. אין דער זעלבער צייט האָט דער קאָצקער רבי ר' מענדעלע (געשטאָרבן אין 1859) געהאַט אין וואַרשע אומצייליקע טויזנטער חסידים און אָנהענגערס. דער איסור וואָס די אָרטאָדאָקסיע האָט אַרויסגערופן אויף די שולן האָט געפירט דערצו אַז אין יאָר 1863 האָבן אין וואַרשע געקאָנט עקסיסטירן סך הכל 8 פאָלקסשולן (5 פאַר יינגלעך און 3 פאַר מיידלעך).

אויך די ראַבינער־שול, וואָס איז געעפנט געוואָרן דורך דער מלוכה אין יאָר 1826, איז באַקעמפט געוואָרן דורך די חסידים מיט גרויס פאַרביטערונג, הגם די שול האָט געהאַט די בעסטע לערערס סיי פאַר יידישע, סיי פאַר וועלטלעכע לימודים (שטערן, טוגנדהאָלד, האַראָוויץ). די ראַבינער־שול איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ נעסט פאַר אַסימילאַציע. אירע שילערס און אַבסאָלווענטן, וועלכע האָבן נישט געקאָנט באַקומען קיין רבנים־שטעלעס אין קיין שום יידישער קהילה, האָבן זיך געווידמעט פּראַקטישע באַרופן אָדער האָבן ווייטער שטודירט און זענען געוואָרן די טיכטיקסטע דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן וואָס האָבן געשפּילט אַ זייער אָנגעזעענע ראָל אין דער אַנטוויקלונג פונעם קולטור־לעבן אינערהאַלב פון דער יידישער געמיינשאַפט אין וואַרשע. איינס מוז מען אָבער פעסטשטעלן, אַז פון די 1209 תלמידים, וואָס האָבן געלערנט אין דער ראַבינער־שול אין משך פון די 37 יאָר פון איר עקסיסטענץ, האָט קיין איינציקער נישט באַקומען קיין פּאָסטן פון אַ רב. די רוסישע רעגירונג האָט געקוקט קרום אויף דער פּוילישער דערציאונג פון די רבנים־שילערס

און אין יאר 1863 האט זי געשלאסן די שול, נאך דעם ווי דאס רוב תלמידים האבן אנטיילגענומען אינעם אויפשטאנד.

די שליסונג פון דער ראבינער־שול און די פירונג פון די חסידים האט פון דעסט וועגן נישט געקאנט אין גאנצן אונטערדריקן די אנטוויקלונג פונעם פאלקסשול־וועזן אין ווארשע. הארט פאר דער וועלט־מלחמה האבן אין ווארשע עקסיסטירט 20 יידישע פאלקסשולן (12 פאר יינגלעך און 8 פאר מיידלעך מיט 1000 קינדער) מיט דער רוסישער אונטעריכטס־שפראך. די שולן זענען אויסגעהאלטן געווארן פון א ספעציעלן יידישן שטייער (ביז 1862 פון דער כשר־פליישטאקסע און שפעטער פון יידישן קהילה־עטאט). די נייאנטשטאנענע פוילישע מלוכה האט אנגעהויבן איינצופירן דעם שולצוואנג און האט איינגעארדנט פאר די יידישע קינדער אייגענע פאלקסשולן מיט דער פוילישער אונטעריכטס־שפראך. אין יאר 1920—1921 האבן אין ווארשע באזוכט די דאזיקע שולן 6.228 יידישע קינדער 12.4 % פון דער אלגעמיינער צאל קינדער ביי 33 % יידישע באפעלקערונג', אין יאר 24—1925 — 14,088 יידישע קינדער 20.3 % פון דער אלגעמיינער צאל קינדער, די צאל מיידלעך איז דערביי פיל גרעסער פון די יינגלעך, וועלכע האבן נאך געלערנט דאס רוב אין די חדרים.

אויך די יידישע קהילה האט אין 27—1928 אויסגעהאלטן 10 פאלקסשולן מיט 31 קלאסן און 1262 קינדער אויסער דעם 3 קינדערהיימען און 4 קינדער־גארטנס. די אונטעריכטס־שפראך אין די דאזיקע שולן איז געווען פויליש, און ארום 15 שעה וועכנטלעך האט מען געלערנט די יודאיסטישע לימודים אין דער העברעאישער שפראך.

„תרבות" האט אין ווארשע געהאט 4 געמישטע 7קלאסיקע פאלקסשולן מיט העברעאישער אונטעריכטס־שפראך.

די „ציש"א" האט געהאט א גרויסע צאל שולן מיט דער יידישער אונטערריכטס־שפראך.

תלמידים פונעם רבנים־סעמינאר „תחכמוני" מיטן דירעקטאר ד"ר מאיר באלאבאן

דער „מיזרחי" האט געהאט 2 פאלקסשולן, איינע פאר יינגלעך און די צווייטע פאר מיידלעך. אויסער דעם זענען געווען א גאנצע רייע פריוואטע עלעמענטאר־שולן פון אלערליי טיפן, פיל חדרים פון אלטן טיפ, ווי אויך אזעלכע ווי מען לערנט 10 שעה וועכנטלעך לימודי־חול (אגודה). מיטל־שולן זענען אין ווארשע געווען 14 מלוכישע. אין שול־יאר 1925 האבן אין די דאזיקע שולן געלערנט יידישע קינדער אויף אן ערך פון 6000, 2 % פון דער יידישער באפעלקערונג.

יידישע פריוואט־גימנאזיעס מיט פוילישער אונטעריכטס־שפראך און עפנטלעכע רעכט זענען געווען אין ווארשע: 5 פאר יינגלעך, 20 פאר מיידלעך און 1 געמישטע. צוזאמען האבן אין די דאזיקע שולן געלערנט אין שוליאר 27—1928 4950 קינדער. אין אלע יינגלשע גימנאזיעס און אין 2 מיידלשע גימנאזיעס זיינען געלערנט געווארן העברעאישע און יידישע לימודים פון 7 ביז 10 שעה וועכנטלעך.

יידישע פאכשולן זענען געווען אין ווארשע: 1 אכטקלאסיקער רבנים־סעמינאר „תחכמוני", געגרינדעט דורכן „מיזרחי" און געשטיצט פון דער רעגירונג (דעם „תחכמוני" האבן באזוכט 211 שילער אין עלטער פון 13 ביז 20 יאר), 1 מלוכישער 5קלאסיקער סעמינאר פאר יידישע רעליגע־לערער, 1 רבנים־שול, 1 סעמינאר פאר פרעבליסטינס פון „תרבות", 1יעריקער לערער־סעמינאר פאר מאטוריסטן, 1 דערגענצונגס־קורס פאר טעטיקע לערער פון די פאלקסשולן, 1 האנטווערקער־שול פון דער יידישער קהילה מיט 240 שילער, 1 האנטווערקער־שול פונעם פאראיין צו שאפן ארבעט פאר ארעמע יידן — 234 שילער, 1 האנט־ווערקער־שול פאר מיידלעך, פון דער יידישער קהילה — 156 שילערינס, 1 דערגאנצונגס־שול פאר האנטווערקער־שילער, און ווארשטאטן פון „ארט" מיט 372.

פּרעסע

זינט פעברואַר 1928 האָט עקסיסטירט אין וואַרשע אַ חויכשול פאַר יידישער וויסנשאַפט, וואו עס איז געלערנט געוואָרן אַקאַדעמיש אַלע פאַכן פון דער יידישער וויסנשאַפט.

אין יאָר 1823 איז אין וואַרשע דערשינען דאָס ערשטע אין פּוילן יידישע וואָכנבלאַט מיטן נאָמען „דער בעאָבאַכטער אַן דער ווייכסל" און אויך מיט דער פּוילישער איבערשריפט „פּאָסטזשעגאַטש נאַדווישלאַנסקי". דאָס בלאַט איז דערשינען אויף פּויליש און אויף יידיש־דייטש אונטער דער רעדאַקציע פון דעם שפּעטערדיקן דירעקטאָר פון ראַבינער־שול, אַנטאָני אייזנבוים. אין יאָר 1824 האָט דאָס בלאַט אויפגעהערט צו דערשיינען און עס האָט געהערשט אַ פּויזע ביזן יאָר 1860, ווען דניאל נייפעלד האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ פּויליש אַסימילאַטאָריש וואָכנבלאַט וואָס האָט שפּעטער זיך פאַרוואַנדלט אין דער „איזראַעליטאַ" (1865), וועלכע איז דערשינען ביזן יאָר 1908.

אין יאָר 1862 האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען אונטער דער לייטונג פון חיים זעליג סלאָנימסקי דאָס העברעאישע וואָכנבלאַט „הצפירה" וואָס איז שפּעטער (1886) פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טעגלעכער צייטונג אונטער דער רעדאַקציע פון נחום סאָקאָלאָוו. די טעגלעכע „הצפירה" איז דערשינען ביז די ערשטע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין דער מלחמה־צייט איז די „הצפירה" רעדאַגירט געוואָרן דורך ע. נ. פרענק. נאָך אַ שווערן קאַמף פאַר איר עקסיסטענץ איז די „הצפירה" אין יאָר 1917 ווידער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וואָכנבלאַט, ווערנדיק דער אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין יאָר 1920 האָט די „הצפירה" ווידער אָנגעהויבן צו דערשיינען אַלס טאָגצייטונג אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ראָזנפעלד. סוף 1921 איז ווידער אַריינגעטרעטן אַן הפסקה אין דער העברעאישער טאָג־פּרעסע אין פּוילן, וואָס האָט געדויערט ביז 1924 ווען ס'האָט אָנגעהויבן דערשיינען דער „היום" וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען ביזן יאָר 1926. זינט 1927 דערשיינט ווידער די „הצפירה" אַלס טאָגצייטונג, עס דערשיינען אויך אַנדערע העברעאישע צייטשריפטן: החלוץ, השומר הצעיר און אַנדערע. אין פאַרשידענע יאָרן ביזן יאָר 1928 זענען דערשינען די העברעאישע צייטונגען: הצופה, הקול, הבוקר, הדור, און די יידישע: דער וועג, דער טעלעגראַף, דער פריינד, די נייע וועלט, מאָרגנבלאַט, אונזער לעבן, דאָס נייע לעבן, נייעס, וואַרשעווער טאָגעבלאַט, דאָס יידישע וואָרט.

אינעם יאָר 1928 זענען דערשינען אין וואַרשע די יידישע צייטונגען: „היינט" (געגרינדעט אין יאָר 1908) „מאָמענט" (1911) „פאָלקס־צייטונג", „אונדזער עקספּרעס", „דער יוד", איין פּויליש־יידישע צייטונג „נאַש פּזשעגלאָנד", די וואָכנבלעטער: „ליטעראַרישע־בלעטער", „דער שפּיגל", „האַנדלס־וועלט", „באַפרייאונג־אַרבעטער־שטימע", „דער בלאָפער". מאָנאַטשריפטן: „די יידישע וועלט", „ביכער־וועלט", „אונדזער האָפענונג", „די עפּאָכע", „די נייע צייט", „די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג", „פאַרן פאָלק", א"א.

פאַרלאַגן

וואַרשע איז תמיד געווען אַ צענטער פונעם יידישן און העברעאישן בוכהאַנדל און עס איז נאָך מער געוואָרן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, צוליב דער פולשטענדיקער פאַרטרעמונג פון ווילנע. אין וואַרשע האָבן עקסיסטירט אין יאָר 1928 די וויכטיקסטע פאַרלאַגן: „צענטראַל", „שטיבל־פאַרלאַג" „קולטור־ליגע", „י. קלעצקין", „ה. בזשאָזע", „ביכער", „ברידער לעווין־עפּשטיין", „גיטלין", „פריד", „גאָלדפאַרב", „ראַקאָווסקי", „די וועלט", „דער האַמער", און אַנדערע.

טעאַטער און אַנדערע קולטור - אַנשטאַלטן

זינט פיל יאָרן האָט אין וואַרשע עקסיסטירט יידישע טעאַטערס (די טרופּן פון גאָלדפאַדן, שמר, קאַמינסקי, עפּעלבערג, קאָמפּאַניעיעץ, ראַפּעל, א"א.). בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן זיך אין וואַרשע אָרגאַניזירט 2 יידישע דראַמאַטישע טרופּעס: די „ווילנער" וועלכע האָבן זיך קונה־שם געווען אין אייראָפּע, און די טרופּע פון דער מאַמע פון יידישן טעאַטער, אסתר רחל קאַמינסקי, מיט איר טאָכטער אידאַ קאַמינסקאַ און איידעם זיגמונט טורקאָוו. ווען די „ווילנער" זענען אַרויסגעפאָרן קיין מערב אייראָפּע און אסתר רחל קאַמינסקי איז געבליבן שטעקן אין אוקראַינע האָט זיך אין וואַרשע אָרגאַניזירט אַן אַנדער טרופּע, וועלכע האָט געשפּילט אין „צענטראַל" טעאַטער. די דאָזיקע טרופּע, וועלכע איז שפּעטער אָנגעפירט געוואָרן דורך זיגמונט טורקאָוו און דערנאָך דורך ליפּמאַנען, האָט זיך דערוואָרבן זייער אַ גוטן נאָמען. צוליב דעם אָבער וואָס דער איינציקער יידישער טעאַטער־בנין איז פאַרקויפט געוואָרן דער רעגירונג אויף אַ מאָנאָפּאָל־ביוראָ, האָט די טרופּע געמוזט אויפהערן צו שפּילן. אין 1925 איז אין וואַרשע אַנטשטאַנען אַ יידיש קליינקונסט־טעאַטער „אַזאַזעל" אונטער דער לייטונג פון דוויד הערמאַן, וואָס האָט עקסיסטירט בלויז עטלעכע חדשים. אין 1926 איז אַנטשטאַנען דאָס קליין־קונסט טעאַטער „סקאַלאַ". אויסער דעם האָט עקסיסטירט אין וואַרשע: קאַמינסקיס טעאַטער אונטער דער לייטונג פון משה ליפּמאַן, און זינט מאַרץ 1928 די ווילנער טרופּע אונטער דער לייטונג פון מאַזאָ.

פון אַנדערע קולטור־אינסטיטוציעס דאַרף דערמאָנט ווערן די יודאַיסטישע ביבליאָטעק ביי דער גרויסער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע (25.000 בענד), דאָס בערסאָן־מוזעאום פון דער יידישער קהילה מיט זייער פיל אַלטערטימלעכע זילבער־כלים און האַנטשריפטלעכע כתובות, דער אַרכיוו פון דער קהילה און דער אויסשטעלונגס־זאַל פון דער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט ביי יידן.

דאָס רעליגיעזע און סאָציאַלע לעבן

די אויסערלעכע פאָרעם פון רעליגיעזן לעבן גיט די יידישע קהילה, וועלכע איז דירעקט אָדער אומדירעקט אָפּהענגיק פונעם קולטור־דעפּאַרטאַמענט אין בילדונגס־מיניסטעריום. ביז 1924 איז אין דאָזיקן דעפּאַרטאַמענט געווען אַ ספּעציעלע יידישע אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירונג פונעם מיניסטעריאַל־ראַט ה' שמואל אַדאַלבערג. אין יאַנואַר 1925 איז די דאָזיקע אָפּטיילונג בטול געוואָרן און די יידישע ענינים זענען איבערגעגעבן געוואָרן דער אַלגעמיינער אָפּטיילונג פאַר נישט קריסטלעכע אמונות, ביי וועלכער ה' אַדאַלבערג איז געווען ראַטגעבער און זאַכקענער פאַר יידישע אָנגעלעגנהייטן.

די לעצטע וואַלן צו דער וואַרשעווער קהילה אויפן גרונד פונעם נייעם קהילה־געזעץ זענען פאָרגעקומען אין יוני 1924, אָבער צוליב דעם שפּראַכן־סקאַנדאַל אויף דער ערשטער זיצונג פונעם קהילה־ראַט האָט די רעגירונג פאַרלענגערט די טעטיקייט פון דער אַלטער קהילה־פאַרוואַלטונג ביזן יאָר 1926. ערשט אין מאַרץ 1926 איז די שפּראַכפראַגע געלייזט געוואָרן אַזוי אַז דער פאָרזיצער און אויך די מיטגלידער פונעם קהילה־ראַט מעגן רעדן אויף די זיצונגען העברעאיש אָדער יידיש. דער צוזאַמענשטעל פונעם קהילה־ראַט איז געווען: 18 ציוניסטן, 16 אַגודהניקעס, 4 אומפּאַרטייאישע אָרטאָדאָקסן (גראָדזיסקער און אַלעקסאַנדרער חסידים) 6 בונדיסטן, 3 פאָלקיסטן, 2 לינקע פּועלי־ציוניסטן. ענלעך דערצו איז אויך געווען דער צוזאַמענשטעל פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג: פאָרזיצער פון קהילה־ראַט: דעפּ' אליהו קירשבוים; וויצע פאָרזיצערס: פּרנס ד"ר י. גאָטליב (ציוניסט) און פּרנס יעקב טראָקענהיים (אגודה), פאָרזיצער פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג: דעפּ' העשל פאַרבשטיין (מזרחי) וויצע פאָרזיצערס: פּרנס משה פעלדשטיין (ציוניסט) און פּרנס ישוע אַראַנבוים (אגודה).

זינט דעם אָנהייב פונעם 19טן יאָרהונדערט האָבן אין וואַרשע אַמטירט די באַרימטע רבנים פּויזנער, ליפּשיץ, דאַווידאָווסקי, מייזלס, געזונדהייט. אין יאָר 1870 איז אָפּגעשאַפט געוואָרן דער אַמט פון אייבערראַבינער און זינט דעמאָלט זענען אין וואַרשע געווען טעטיק בלויז באַצירקס־רבנים, וואָס האָבן געבילדעט צוזאַמען אַ ראַבינאַט. אין יאָר 1923 איז אויך דער פאָרשריטלעכער פּרידיקער ביי דער גרויסער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע געוואָרן אַ באַצירקס־רב פון דער „אגודה", דער באַרימטער געלערנטער ד"ר שמואל אברהם פּאָזנאַנסקי, וועלכער האָט זיך שוין דעמאָלט געפונען כמעט אויפן טויטנבעט. זינט 1923 האָט פאַרנומען דעם דאָזיקן אַמט דער אוניווערסיטעט פּראָפעסאָר ד"ר משה שאָר.

די יידישע קהילה האָט אויך געהאַט אונטער איר רשות אַ שפיטאָל (אויף טשיסטע) פאַר 1000 בעטן, אַ קינדער-שפיטאָל אויף שליסקע, אַ מושב-זקנים אויף וואָלסקע, 2 שילען (נאָזשיק שיל, און אויף פראַגע).

דאָס רוב וואַרשעווער פילאַנטראָפישע אַנשטאַלטן האָבן אָבער נישט געהערט צו דער קהילה, נאָר זענען געשאַפן געוואָרן דורך יחידים אָדער חברות און זענען אויך פאַרוואַלטעט געוואָרן דורך די דאָזיקע חברות אָדער דורך קאָמיטעטן. אַזוי זענען אין וואַרשע אויסגעהאַלטן געוואָרן דורך באַזונדערע פאַראיינען: 4 יתומים-הייזער, 3 קימפעטאָרינס-אַנשטאַלטן, 3 מושב-זקנימס, זומער-קאָלאָניעס, אַ סאַנאַטאָריע פאַר לונגען-קראַנקע, אַ שולע פאַר טויב-שטומע מיט אַן אינטערנאַט, אַנשטאַלטן פאַר גייסטיק-קראַנקע, די געזעלשאַפט „טאָז" האָט זיך באַשעפטיקט מיטן געזונט-צושטאַנד פון דער אָרעמער באַפעלקערונג, די געזעלשאַפט „לינת-הצדק" מיט קראַנקן-פלעגע, „בית-לחם" האָבן פאַרזאָרגט די אָרעמע-לייט מיט שפייז-פראָדוקטן אויף שבתים און יום-טובים, „תומכי-אסורים" האָט פאַרזאָרגט מיט כשר עסן יידישע אַרעסטאַנטן און סאָלדאַטן. דער רעטונגס-קאָמיטעט האָט געשטיצט די נויטבאַדערפטיקטע יידן און די דאַכלאָזע מיט אַ היים, די גמילת-חסדים-קאַסעס האָבן אַרויסגעגעבן הלוואות פאַר געפאַלענע בעל-מלאכות און קליינהענדלערס, אָן פראָצענט.

דאָס עקאָנאָמישע לעבן

אין עקאָנאָמישן לעבן פון וואַרשע האָבן יידן געשפילט די וויכטיקסטע ראָלע. זיי האָבן געבילדעט 90 פראָצענט פון אַלע סוחרים און אויך אַן ענלעכן פראָצענט פון די האַנטווערקערס. די יידישע סוחרים, קליינהענדלערס און האַנטווערקערס זענען געווען אָרגאַניזירט אין גרויסע פאַרבאַנדן, וואָס האָבן אַרומגענומען דאָס גאַנצע לאַנד. אין וואַרשע איז געווען אַ סוחרים-צענטראַלע מיט 76 סעקציעס לויט די באַזונדערע האַנדלס-בראַנזשעס. אין וואַרשע אַליין האָט געציילט די צענטראַלע 6000 מיטגלידער. צו דער צענטראַלע האָבן אויך געהערט 314 פאַראיינען אין דער פראָווינץ מיט אַן אַלגעמיינער צאָל פון 29.000 מיטגלידער. דער צענטראַלער האַנטווערקער-פאַרבאַנד האָט געציילט אין וואַרשע אַליין 7000 מיטגלידער און האָט אין דער פראָווינץ געהאַט 542 אָפטיילונגען מיט 100.000 מיטגלידער. דער צענטראַלער קליינהענדלער-פאַרבאַנד האָט געהאַט 271 אָפטיילונגען מיט 120.000 מיטגלידער, אין וואַרשע אַליין 6000. די סוחרים, האַנטווערקערס און קליינהענדלערס האָבן געהאַט זייערע אייגענע קאָאָפעראַטיווע בענק וואָס זענען פינאַנסירט געוואָרן דורך דער צענטראַלער יידישער קאָאָפעראַטיוון-באַנק. אויסער דעם האָבן עקסיסטירט אין וואַרשע אַ גאַנצע ריי האַנטווערקער-קאָאָפעראַטיוון.

אויך די יידישע אינטעליגענץ איז געווען אָרגאַניזירט אין פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (דאָקטוירים, אינזשעניערן, זשורנאַליסטן און ליטעראַטן, פאָלקס- און מיטל-שול-לערערס, תלמידים א"א).

גוט אָרגאַניזירט זענען געווען די אַרבעטערס פון אַלע בראַנזשעס. די פראָפעסיאָנעלע אַרבעטער-פאַראיינען זענען געווען די איינציקע בריק צווישן די פוילישע און יידישע סאָציאַליסטן, אויפן קולטורעלן געביט זענען זיי זיך געגאַנגען יעדער איינער זיין באַזונדערן וועג.

לויט דער סטאַטיסטיק פון אינזשעניער העלער זענען אין יאָר 1921 געווען אין וואַרשע 12.414 אינדוסטריע-אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געהערט צו יידן און באַשעפטיקט יידישע אַרבעטערס. אין דער אינפלאַציע צייט (1924-1922) זענען אַנטשטאַנען טויזנטער נייע אונטערנעמונגען, וועלכע זענען אָבער אין די יאָרן 1925—1926 צוזאַמען מיט די אַלטע צו גרונט געגאַנגען.

(פון יובילײ-בוך „היינט", וואַרשע 1908—1928)

*

בתיה טעמקין — בערמאַן (ישראל)

צו דער געשיכטע פון ייִדישן בוך אין פּוילן

יידישע ביבליאָטעקן אין וואַרשע

דער אָנהייב

די ייִדישע ביבליאָטעקן אין וואַרשע האָבן נישט געהאַט קיין לאַנגן קיום. ווי באַוווּסט איז בכלל דער גאַנצער סטאַבילער ייִדישער ייִשוב אין וואַרשע אַנטשטאַנען אין סוף פון 18טן יאָרהונדערט. וועגן קיין שום באַוווּסטע ייִדישע ביבליאָטעקן איז אונדז פון יענער צײַט נישט באַקאַנט. וואַרשיינלעך האָבן בײַ פאַרשידענע שולן און בתי־מדרשים עקסיסטירט פאַרשידענע זאַמלונגען פון רעליגיעזע ספרים, געווען איז מן הסתם עפּעס אַ ביבליאָטעק בײַ דער ראַבינער־שול אין וואַרשע, אָבער קיין שום שפּורן זענען פון דעם נישט געבליבן. די ערשטע ייִדישע ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך דערהאַלטן כמעט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה איז געווען די ביבליאָטעק בײַם „פאַראיין פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע פון משה'ס גלויבן" וועלכע איז אַנטשטאַנען שוין אין יאָר 1858 אונטערן נאָמען „חברה משרתים".

אַרום יאָר 1872 איז די פאָלקסטימלעכע „חברה" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַראיין. אין דער פאַרוואַלטונג זענען אַרײַן אַסימילירטע יונגע־לײַט פון דעם בעסערן קלאַס „בוכהאַלטערס", ווי ס'שרײַבט זיך אין אַ פּוילישן באַריכט, און מען האָט געגרינדעט אַ ביבליאָטעק מיט לויטער פּוילישע, רוסישע און דײַטשע ביכער. טראָץ דעם וואָס די פּשוטע מיטגלידער האָבן פאַרלאַנגט פיל מאָל אַרײַננעמען אויך ייִדישע ביכער, האָט די פאַרוואַלטונג געפּסלט „זשאַרגאָן". איז דעריבער נישט קיין וווּנדער, אַז אין אַלע באַריכטן פון דער ביבליאָטעק (געדרוקטע אין דער אַסימילאַטאָרישער צײַטשריפט „איזראַעליטאַ") באַקלאָגט מען זיך אויף שוואַכער פרעקווענץ. אין דער זעלבער צײַט (אין די 80—90 יאָרן האָבן שוין אין וואַרשע עקסיסטירט ייִדישע בוכהאַנדלונגען, וואָס האָבן פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל אויסגעבאָרגט ייִדישע ביכער פון שאָמער, דיק, דינעזאָן א"א.

די הויפּט־באַזוכער פון די פּרימיטיווע ביבליאָטעקן זענען טאָקע געווען משרתים און דינסטמיידלעך, וועלכע האָבן אויך אָפּט מאָל באַקומען אַרויסגעבאָרגט פאַרשידענע טרויעריקע ראָמאַנען בײַ וואַנדערנדיקע מוכר־ספרים און פּאַקנטרעגערס. אַרויסגעבאָרגט ביכער האָט מען איבערהויפּט אויף שבת, אָבער שוין פון מיטוואָך אָן זענען געקומען אין די ביכער־קראָמען פאַרברענטע לעזער, כדי באַצײַטנס אַרײַנצוכאַפּן אַ גוט בוך. וועגן דעם אַלעם האָט מיר דערציילט אין יאָר 1933 אַן אַלטיטשקער ייִדישער בוכהענדלער און פאַרלעגער, אַברהם מאָרגנשטערן פון פראַנציסקאַנער גאַס, וואָס נאָך זײַנע עלטערן האָבן אויף נאַלעווקעס געהאַט אַ ביכער־קראָם.

אין יאָר 1880 איז אַנטשטאַנען די ערשטע גרויסע, מאָדערנע ייִדישע ביבליאָטעק אין וואַרשע. דאָס איז געווען די ביבליאָטעק בײַ דער גרויסער סינאַגאָגע (רעפאָרמירטער שול) אויף טלאָמאַצקע־גאַס.

בײַ דער סינאַגאָגע זענען דעמאָלט שוין געווען געזאַמלט פיל רעליגיעזע ספרים, אָפּט געשאָנקען פון אַסימילירטע ייִדן, וועלכע האָבן נישט געהאַט ווו אַהינצוטאָן די ירושה פון זײַערע טאַטעס און זיידעס. ס'איז אַנטשטאַנען אַ פּראָיעקט צו גרינדן אַ יודאַיִסטישע ביבליאָטעק און באַלד האָבן זיך אַ שאָט געטאָן רײַכע ביכער־מתנות. איינער פון די גרינדער און נאָכער לאַנגיאָריקער איבערגעגעבענער לייענער פון דער ביבליאָטעק איז געווען ד"ר שמואל פּאָזנאַנסקי. לאַנגע יאָרן האָט די ביבליאָטעק וועגעטירט אין 3 קליינע צימערלעך בײַ דער סינאַגאָגע. ערשט כמעט 50 יאָר שפּעטער האָט זי באַקומען אַן אייגענע געביידע.

צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט, ווען ס'זענען אַנטשטאַנען מעכטיקע אַרבעטער־ און ציוניסטישע ריכטונגען, האָבן שוין געמוזט עקסיסטירן אומלעגאַלע (בײַם צאַראַט) אַרבעטער־ און געזעל־

טאַבעלע 1

אַלגעמיינע סטאַטיסטיק פון די **יידישע ביבליאָטעקן אין וואַרשע**

(אין יאָר 1934)

צאָל ביב־ליאָטעקן		כאַראַקטער און קאַטעגאָריע	ביכער: אַלג. צאָל	ביכער: ייִדישע	ביכער: העברעיִשע	ביכער: פּוילישע	ביכער: אַנדערע	אַלג. צאָל לעזער:	פון דעם לייענען: ייִדיש	פון דעם לייענען: העבר.	פון דעם לייענען: פּויליש
50		ס"ה	265.336	67.442	134.522	134.264	38.108	19.340	5.309	355	13.685
—	עפנטלעכע	פּריוואַטע אויסליי־ביבל.	152.500	22.550	3.350	103.950	22.650	12.150	1.410	85	10.655
2		יודאַיִסטישע ביבליאָטעקן	34.700	6.000	18.460	500	9.740	(*	?	?	?
13		אַרבעטער "	48.500	29.100	— —	15.900	3.500	5.003	3.080	— —	1.923
6	אינערלעכע	פאַראיינס־ביבליאָטעקן	18.436	5.647	80	10.576	— —	1.144	345	3	796
11		ציוניסטישע "	6.335	2.010	2.967	1.348	2.133	693	323	164	206
3		מזרחיסטישע "	1.115	535	405	140	35	179	61	93	25
3		אַגודיסטישע "	1.560	950	260	350	— —	180	90	10	80
2		אַנדערע "	2.200	650	— —	1.500	50	— —	— —	— —	— —

*) די צאָל פון זייערע לעזער איז שווער געווען פעסטצושטעלן, ווײַל זיי האָבן געלייענט אויפן אָרט.

שאַפטלעכע ביבליאָטעקן, אָבער דער אמתדיקער אויפבלי איז געקומען אין דער צײַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דעמאָלט זענען געגרינדעט געוואָרן די מערסטע ביבליאָטעקן, וואָס זייער קיום האָט נעדויערט ביזן גרויסן אומקום.

פאַר דער מלחמה

ביז דעם יאָר 1939 האָבן אין וואַרשע עקסיסטירט אַרום 50 ייִדישע ביבליאָטעקן. אונטער דער דעפיניציע „ייִדישע ביבליאָטעקן" ווערן דאָ פאַרשטאַנען ביבליאָטעקן, וועלכע האָבן געהערט צו ייִדישע אייגנטימער (פּערזאָנען אָדער אינסטיטוציעס), האָבן באַדינט ייִדישע לעזער און פאַרמאָגט אַן אָפּטיילונג פון העברעיִשע אָדער ייִדישע ביכער. עס ווערן אַלזאָ נישט גענומען אין אכט אַ רײַי פּריוואַטע לײַי־ביבליאָטעקן, וואָס האָבן געהערט צו ייִדן, באַדינט ס'רוב ייִדן, אָבער פאַרמאָגט בלויז פּוילישע אָדער פרעמדשפּראַכיקע ביכער. עס ווערן אויך נישט גענומען אין אכט ביבליאָטעקן, וועלכע האָבן געהאַט אַ ייִדישע אָפּטיילונג (צ"ב די פּוילישע נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק) האָבן אָבער צו ייִדן נישט געהערט. די 80 ביבליאָטעקן זענען געווען די ווײַטערדיקע: *)

חוץ די 50 ביבליאָטעקן פון דער טאַבעלע, האָבן נאָך אין וואַרשע עקסיסטירט עטלעכע קלענערע ביבליאָטעקן, צו וועלכע עס איז געלונגען צו צוקומען שוין נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט. וועגן זיי וועט נאָך דערמאָנט ווערן. אויסער דעם זענען דאָ נישט באַשריבן געוואָרן די פּריוואַטע זאַמלונגען פון אַ רײַי ייִדישע געלערנטע און זאַמלער ווי: פּראָפעסאָר באַלאַבאַן, שאָר א"א. ס'זענען אויך נישט אַרומגענומען געוואָרן ביכער־זאַמלונגען פון ריין־רעליגיעזן כאַראַקטער בײַ שולן און בתי־מדרשים. אַ באַזונדערע קאַטעגאָריע בילדן די ביכער זאַמלונגען פון ייִדישע לערן־אַנשטאַלטן, די מערסטע פון זיי האָבן קיין העברעיִשע אָדער ייִדישע ביכער נישט פאַרמאָגט. בלויז אין עטלעכע זענען אַזעלכע אָפּטיילונגען געווען.

באַמערקונג.*) אַלע טאַבעלעס און ציפערן זענען אָנגעגעבן לויט מײַן בראָשור: ב. טעמקין: „די ייִדישע ביבליאָטעק אין וואַרשע אין ליכט פון ציפערן". סעפּאַראַט־אָפּדרוק פון „דאָס ווירטשאַפטלעכע לעבן" נומ' 6 - 7, 1934 וואַרשע.

טאַבעלע 2

ייִדישע שול - ביבליאָטעקן אין וואַרשע

ל"נ	שול	אַדרעס	צאָל ביכער					צאָל לייענער
			אַלגעמ.	העברעיִשע	ייִדישע	פּוילישע	אַנדערע	
.1	סעמינאַר פאַר לערער פון רעליגיע	גענשע 9	4476	1595	—	2881	—	130
.2	תחכמוני סעמינאַר	גזשיבאָווסקע 29	1200	400	100	700	—	100
.3	גימנאַזיום „אשכלה"	טלאָמאַצקע 11	3921	1228	—	2483	210	360
.4	גימנאַזיום קרינסקי	מיאָדאָווע 7	3550	650	100	2240	560	225
.5	גימנאַזיום „חינוך"	אָגראָדאָווע 27	2739	696	—	1600	443	260
.6	גימנאַזיום „לאור"	נאַלעווקעס 2	2011	500	—	1400	111	152
.7	גימנאַזיום י. פינקעל	לעשנע 14	1849	79	—	1500	270	200
.8	גימנאַזיום „יהודיה"	דלוגע 55	1597	660	—	737	200	220

געניער אויסוויז פון ייִדישע ביבליאָטעקן אין וואַרשע

יודאַיסטישע ביבל.

1. יודאַיִסטישע ביבליאָטעק בײַ דער גרויסער סינאַגאָגע (טלאָמאַצקע 5) עקסיסטירט פונעם יאָר 1880. צאָל ביכער — 33.000. לײַטער משה ווייסבערג. איינענע נעבײַדע מיט אַ לייען־זאַל.

2. יודאַיִסטישע ביבליאָטעק בײַ דער סינאַגאָגע „שערי־ציון" (פּאַוויע גאַס) צאָל ביכער — 1.700.

אַרבעטער ביבליאָטעקן.

אַרבעטער ביבליאָטעקן

3. גראָסער ביבליאָטעק. (דלוגע 50, שפּעטער לעשנע 13). צאָל ביכער — 20.000 אַנטשטאַנען פון פאַראייניקן די ווײַטערדיקע ביבליאָטעקן: א) ביבליאָטעק פון לאַנד־ראַט פון פּראָפ. קלאַסן־פאַראיינען, ב) טראַנספּאָרט פאַראיין, ג) באַקלייד־פאַראיין, ד) מעטאַל־פאַראיין, ה) „יאַף" (ייִדישע אַרבעטער פרוי), ו, ז) ביבל. פון צוויי אָוונט־שולן, ח) קינדער ביבליאָטעק א"נ פון שמואל האוז. לייטער: הערמאַן קרוק. („בונד") אַנטשטאַנען אין יאָר 1915.

4. ביבליאָטעק „דאָס לעבן" (דזשעלנע 32) צאָל ביכער 12.900; אַנשטאַנען בײַם טעקסטיל־פאַריין (קאָמוניסטן) אין יאָר 1918.

5. „הזמיר" (גענשע 14) צאָל ביכער 5000; לכתחילה בײַם פאַרבאַנד „הזמיר", שפּעטער איבערגעגאַנגען צו פּועלי־ציון (צ. ס.). אַנטשטאַנען אין יאָר 1915.

6. „באָראָכאָוו־ביבליאָטעק" (קאַרמעליצקאַ 15, שפּעטער 4), צאָל ביכער 4000; אַנטשטאַנען אין יאָר 1919 (פּועלי־ציון לינקע) נאָך פאַר דער מלחמה קאָנפיסקירט דורך דער סאַנאַטאָרישער פּאָליציי, די ביכער פאַרברענט.

7. „וויסן" (פּאַוויע 54), צאָל ביכער 2000. (קאָמוניסטן).

8. „פּראַגער גראָסער־ביבליאָטעק" (זאָמבקאָווסקאַ), צאָל ביכער 1000 (בונד).

9. „י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק" (אָכאָטע), צאָל ביכער 800 (קאָמוניסטן).

10. ביבליאָטעק בײַם ספּאָרט־קלוב „זשאָר" (פּראַגע), צאָל ביכער 700 (פּועלי־ציון לינקע).

11. „י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק" (פּראַגע), צאָל ביכער 600 (קאָמוניסטן).

12. „י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק" (פּאָוואָנזעק), צאָל ביכער 450 (קאָמוניסטן).

13. ביבליאָטעק בײַם „יוגנבאַר" (זאַמענהאָף 6) צאָל ביכער 250 (פּועלי־ציון לינקע).

14. ביבליאָטעק בײַ דער „יוגנט" (זאַמענהאָף 29) צאָל ביכער 250 (פּועלי־ציון לינקע).

15. „מיכאַלעוויטש־ביבילאָטעק" (פּאָוואָנזעק), צאָל ביכער 200 (בונד).

פאַראײנס־ביבליאָטעקן

16. קעגנזײַטיקע הילף פון קאָמיוואָיאַזשאָרן (לעשנע 14), צאָל ביכער 6.500; אַנטשטאַנען אַרום יאָר 1900.

17. קעגנזײַטיקע הילף פון סוחרים (אָרלע 6) צאָל ביכער 5.336; אַנשטאַנען אַרום יאָר 1900.

18. דרוקער־פאַראײן (דזשעלנע 33), צאָל ביכער 4.000;

19. אַרטיסטן־פאַראײן (לעשנע 2), צאָל ביכער 1.200.

20. צענטראַלער האַנטווערקער־פאַרבאַנד (ביעלאַנסקע 7), צאָל ביכער 900.

21. ליטעראַטן־פאַראײן (טלאָמאַצקע 13), צאָל ביכער 500.

ציוניסטישע ביבליאָטעקן:

22. „מרכזי" (ביעלאַנסקע 9), צאָל ביכער 3.000; עקסיסטירט זײַט יאָר 1917.

23. „התחיה" (זאַמענהאָף 13); צאָל ביכער 900.

24. „עקיבא" (קרולעווסקע 49), צאָל ביכער 250.

25. „גורדוניה" (נאָוואָליפּקע 25), צאָל ביכער 200.

26. ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, סניף מאָקאָטאָוו־פּולאַווסקע, צאָל ביכער 275.

27. ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, סניף פּאָוואָנזעק־עלבלאַנסקאַ, צאָל ביכער 200.

28. ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, סניף טשערניאַקאָוו־טשערניאַק, צאָל ביכער 170.

29. ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, סניף פּעלצאָוויזנע, צאָל ביכער 100.

30. „הנוער הציוני", סניף פּעלצאָוויזנע, צאָל ביכער 130.

31. „החלוץ" (קאַרמעליצקע 29), צאָל ביכער 750.

32. „החלוץ הצעיר" (זאַמענהאָף 26), צאָל ביכער 350.

מזרחיסטישע ביבליאָטעקן:

33. „החלוץ המזרחי" (זאַמענהאָף 7), צאָל ביכער 600.

34. „צעירי המזרחי" (קרולעווסקע 43), צאָל ביכער 265.

35. „צעירי החלוץ המזרחי" (זאַמענהאָף 46), צאָל ביכער 250.

אגודיסטישע ביבליאָטעקן:

36. „בנות אגודת ישראל" (טוואַרדע 35)), צאָל ביכער 600.

37. „צעירי אגודת ישראל" (טוואַרדע 35), צאָל ביכער 500.

38. „פּועלי אגודת ישראל" (דזשעלנע 20), צאָל ביכער 460.

פּריוואַטע לײַ-ביבליאָטעקן:

39. „הומאַניטע" (לעשנאָ 14, צאָל ביכער 66.000, אייגנטימער פּסח קאָפּנער.

40. „פּאַנטעאָן" (טוואַרדע 10), צאָל ביכער 20.000.

41. „לעקטוראַ" (נאָוואָליפּקע 5), צאָל ביכער 12.000, אייגנטימער ברעסלער.

42. „ווערבום" (מאַריאַנסקע 2), צאָל ביכער 11.000, אייגנטימער קאַנטאָראָוויטש.

43. „הומאַניטע" (טאַרגאָווע 46), צאָל ביכער 10.000.

44. „גלאָריאַ" (שוויענטאָיערסקע 21), צאָל ביכער 10.000.

45. „רענעסאַנס" (קאַרמעליצקע 30), צאָל ביכער 9.000.

46. „יוטשניאַ" (טשערניאַקאָווסקע 129), צאָל ביכער 9.000, אייגנטימער דולמאַן.

47. „פּאָליגלאָב" (זאַמענהאָף 13), צאָל ביכער 8.000.

48. „פּאַרנאַס" (נאָוואָליפּיע 15), צאָל ביכער 3.500.

אַנדערע ביבליאָטעקן:

49. שפּיטאָל אויף טשיסטע, (דוואָרסקע 15), צאָל כיבער 2.000.

50. „דזשאָינט" (יאַסנע 11), צאָל ביכער 200.

אויסער די אויבן דערמאָנטע האָבן נאָך עקסיסטירט אין יענער צײַט קינדער־ביבליאָטעקן א"נ פון שאַרלאָטאַ ביעלאַוסאָווא, וואָס אַ פאָטער פון אַ טראַגיש אומגעקומענער טאָכטער האָט געגרינדעט לכבוד איר אָנדענק; אַסימילאַטאָרישע ביבליאָטעקן „דת" (וויעדזאַ) אויף פּשעכאָדניע 1. ליקווידירט זענען דעמאָלט שוין געווען: די ביבליאָטעק פון חובבי שפת עבר (פּשעיאַזד 5), פּריוואַטע לײַ־ביבליאָטעקן — „קולטוראַ" און וויינערס. קאָנפיסקירט איז געווען די לעצטנס קאָמוניסטישע ביבילאָטעק פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע־פאַראײן אויף זשעלנע 25.

בעת דער מלחמה:

באַלד נאָכן אַרײַנקומען פון די היטלעריסטן קיין ווארשע זענען אַלע ייִדישע ביבליאָטעקן פאַרמאַכט געוואָרן. אין עטלעכע חדשים אַרום, אָנפאַנג 1940, האָבן אַ טייל פּריוואַטע לײַ־ביבליאָטעקן באַקומען אַ דערלויבעניש צוריק צו ווערן טעטיק, מיט דעם באַדינג אַרויסצוּוואַרפן אַלע אַנטי־היטלעריסטישע און אויך פרעמדשפּראַכיקע ביכער. פּוילישע ביבליאָטעקן האָבן דעמאָלט באַקומען אַ באַפעל אַרויסצוּוואַרפן אַלע ביכער פון „נישט־אַרישע" שרײַבער. אין יענער צײַט איז אין די עטלעכע געעפנטע ביבליאָטעקן געווען אַ גאָר גרויסע באַוועגונג, ווײַל גלײַכצײַטיק האָבן די היטלעריסטן פאַרבאָטן ייִדן צו געניסן פון אַלע פּוילישע ביבליאָטעקן. די גאַנץ געבליבענע געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעקן (אַ טייל פון זיי, צ"ב „הזמיר", זענען פאַרניכטעט געוואָרן בעת דער באַלאַגערונג פון ווארשע) האָבן דערווײַל זיך נישט באַמיט צו באַקומען אַ דערלויבעניש, ווײַל מען האָט זיך געשראָקן פאַר רעפּרעסיעס און פאַר רעקאָנספּירירן טוערס פון פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען. אין אַ קורצער צײַט (פרילינג 1940) האָט מען סײַ ווי סײַ פאַרמאַכט אַלע טעטיקע פּריוואַטע לײַ־ביבליאָטעקן און די ביכער פון זיי צוגענומען. צו יע־

נער צײַט האט מען אויך קיין דײַטשלאַנד אוועקגעפירט אלע ביכער פון דער יודאיסטישער ביבליאטעק אויף טלאמאצקע. די אנדערע נישט־טעטיקע געזעלשאפטלעכע ביליאטעקן האט מען דערווײַל נישט גערירט. ס'האט זיך אנגעהויבן אן אומלעגאלע ביבליאטעקן־באוועגונג. ס'האט זיך געשאפן א גאנצע נעץ פון קליינע ביבליאטעקלעך, וואס האבן פארמאגט צו עטלעכע הונדערט ביכער. געשאפן האבן זיי מערסטן טייל צוליב פרנסה־צוועקן געוועזענע אייגנטימער אדער מיטארבעטער פון ביבליאטעקן, וועלכע ס'איז געלונגען אנצוזאמלען א ביסל ביכער, אפגענומען פון לייענער, אדער ארויסגעגנבעטע פון די פארמאכטע ביבליאטעקן. אויך א טייל לערער האבן אויף אזא אופן אקטיוויזירט שול־ביבליאטעקן. איינע אזא ביבליאטעק איז געווען אויף אגראדאווע 33 אין דער דירה פון פרוי קאלעצקא, לייטערן פון א באקאנטער מיטל־שול פאר מיידלעך. דאס איז געווען א גרעסערע ביכער־זאמלונג מיט קאטאלאגן און אנדערע אײַנריכטונגען. מען האט געמוזט ארײַנגיין דארט פארזיכטיק, די ביכער ברענגען פארהילט, מען זאל אין גאס נישט זען וואס מען טראגט. ס'רוב ביבליאטעקלעך זענען געווען מינים וואנדער־ביבליאטעקן; די אייגנטימער זענען ארומגעגאנגען איבער די דירות פון די לייענערס, טראגנדיק אין א טעקע עטלעכע ביכער, און אזוי זיי געטוישט.

די גרעסטע, אבער, ביכער־זאמלונגען אין געטא זענען געווען געזעלשאפטלעכע. די ביבליאטעק אונטער דער לייטונג פון לייב שורס (געוועזענער אייגנטימער פון פארלאג „טאמאר" אין ווילנע) אין זײַן דירה אויף לעשנע 56 און די צענטראלע קינדער־ביבליאטעק בײַם „צענטאס" (קינדער־שוץ־ארגאניזאציע) אויף לעשנע 67 אונטער מײַן לייטונג. אין שורס דירה האבן זיך געפונען ארום 12-1500 ביכער, וועלכע זענען גענומען געווארן טיילווײַז פון „גראסער־ביבליאטעק" (ארויסגעגנבעט דורך א פענצטער פונעם קעלער אונטער דער ביבליאטעק, ווו זיי זענען געלעגן פארחתמעט), טיילווײַז פון דער ביבליאטעק „דאס לעבן" באקומען א דערלויבניש צו עפענען די טיר פון דער פארחתמעטער ביבליאטעק אין פרילינג 1942, מיט א תירוץ, אז עס פעלן דירות אין געטא, דארף מען די ביכער פארקויפן און ליידיק מאכן די צימערן; (געקויפט פאר געלט פון ייד. געז. אליינהילף האט שור). אחוץ די ביידע ביבליאטעקן האט שור נאך געשאפן קלענערע ביכער־זאמלונגען פון פריוואטע פערזאנען, וואס זענען אנטלאפן פון ווארשע און אויך אײַנגעקויפט זעלטענע ביכער אין גאס.

געהאלפן שורן בײַם קאטאלאגירן די ביכער האט זײַן פרײַנד און שכן מאכלים, א געוועזענער זעצער פון „הײַנט". איך געדענק א מוסטערהאפטן קאטאלאג פון ייִדישער דיכטונג, געמאכט לויט אלע כללים פון ביבליאגראפישער קונסט, וועלכן מאכלים האט אויסגעצאצקעט מיט זײַן ווונדערלעך שיינעם כתב. ביידע האבן דערפון קיין גענוגנדיקע פרנסה נישט געהאט, געהונגערט און געפרוירן. די ביכער האבן פארנומען דעם גאנצן צימער וואס איז זיי געבליבן, אין קיך איז געלעגן די אלטיטשקע פאראליזירטע מוטער פון שורן; זענען זיי ביידע געשלאפן אין קארידאר.

אין בעסערע באדינגונגען האט זיך געפונען די צענטראלע קינדער־ביבליאטעק פון „צענטאס". א לאנגע צײַט איז זי, וואס אן אמת, געווען אין עטלעכע וואליזקעס אין א קארידאר פון „צענטאס", אבער בײַם פארמאכן דאס געטא, בעתן ארויסגיין פון פוילישע אינסטיטוציעס, וואס זענען געלעגן אין די ראמען פון געטא, איז מיר געלונגען פארנעמען א לאקאל פון א שטאטישער לײַ־ביבליאטעק אויף לעשנע 67 און דארט אריבערגעטראגן די פאר הונדערט ביכער, וועלכע זענען צוליב לעגאליזאציע־טעמים געזאמלט געווארן ווי „שפילצײַג און ביכלעך" פאר ארעמע קינדער אין די ראמען פון אן אלגעמיינער זאמלונג פון מלבושים און זאכן פאר פליטים און נשרפים. די צאל ביכער איז כסדר געוואקסן. צוגעקומען זענען מיט דער צײַט אפגעפונענע רעשטלעך פון די ווײַטערדיקע ביבליאטעקן: פון „פארבאנד פון קאמיוואיאזשארן" (לעשנע 14, שפעטער 13), רעשטלעך פון דער קינדער־ביבליאטעק א"נ שארלאטא ביעלאוסאווא (קאפוצינסקע 11), וועלכע האבן זיך אפגעפונען פארפוילטע און צעריסענע, נאך לאנגע זוכענישן ערגעץ אין א פאלקסקיך אויף טווארדע 15; רעשטלעך פון דער ביבליאטעק „דת" (פשעכאדניע 11), אפגעפונען אין קעלער פון האנטווערקער־שול סטאווקע 24. אויסער דעם האבן אין פאשידענע צײַטן געשאנקען ביכער צו קינדער־אפטיילונגען בײַ הויז־קאמיטעטן (כ'געדענק, אז עטלעכע צענדליק ביכער האבן געברענגט די קינדער פון אגראדאווע 29, מיטן ייִנגל פעלעק נאס בראש), סײַ איינצלנע קינדער, ווי צ"ב די טאכטער פון פרוי צעציליא סלאפאק. א טייל ביכער איז געווארן געקויפט אויף דער גאס.

צו יענער צײַט, ווען אויסער ביבליאטעקן זענען אויך געווען פארמאכט די בוכהאנדלונגען, האט דער גאנצער ביכער־האנדל זיך אריבערגעטראגן אויף דער גאס. דער הויפט־צענטער פון דעם האנדל האט זיך געפונען אויף נאוואליפקע (דער אפשניט צווישן זאמענהאף און קארמעליצקע). דארט זענען געשטאנען מיט וועגעלעך און טישלעך א 10 ביכער־סוחרים, געוועזענע בוכהענדלער און פארלעגער, דארט, לעבן נר. 10, איז געשטאנען מײַן הויפט־ליפעראנט גאלדפארב. אויפן ראג קארמעליצקע זענען געשטאנען צוויי ייִנגלעך, וועלכע האבן געהאט א סך קינדער־ביכלעך און אלע מאל מיר געזאגט, צו דאס ביכל איז אינטערעסאנט און צו ס'וועט געפעלן די קינדער. אויף דער אנדערער זײַט גאס איז געשטאנען מיט העברעיִשע ביכער א שרײַבער און פעדאגאג (זײַן נאמען געדענק איך נישט). אויך אויף אנדערע גאסן האבן זיך געפונען איינצלנע ביכער־פארקויפער. אויפן ראג לעשנע־ארלע איז געשטאנען א באקאנטער אנטיקוואר פון שוויענטאקזשיסקע, קליינזינגער. פארקויפט ביכער האט מען אויף גזשיבאווסקע לעבן טשעפלע און אויך טווארדע לעבן מאריאנסקע. א גרויסער ביכער־לאגער האט זיך געפונען ערגעץ אויף קראכמאלנע. פיל פארארעמטע מענטשן האבן אויספארקויפט זייערע פריוואטע זאמלונגען פאר גראשנס. בײַ דעם גרויסן יקרות אין געטא האבן גאר ביכער געקאסט פיל ביליגער ווי פאר דער מלחמה. פארשידענע אוצרות האבן זיך פשוט געוואלגערט אין די גאסן.

די צאל לעזער אין שורס ביבליאטעק איז נישט געווען גרויס, אבער כמעט אלע געזעלשאפטלעכע און יוגנט־טוערס, אלע וויסנשאפטלער, האבן בײַ אים גענומען ביכער. די צאל ביכער אין דער קינדער־ביבליאטעק האט צום סוף דערגרייכט ביז 5.000. א לאנגע צײַט האט די ביבילאטעק עקסיסטירט אומלעגאל אונטער דעם נאמען פון א „קאמיסיע פאר קינדער־פארווײַלונגען בײַם צענטאס". דער לאקאל איז געווען פאסיק דעקארירט. אויף די פאליצעס מיט ביכער זענען געשטאנען ליאלקעס און כלערליי שפילצײַג. איבעריקנס האט טאקע אין דעם זעלבן לאקאל געארבעט די טעאטער־קאמיסיע פון „צענטאס", אונטער דער אנפירונג פון קלימא פוסווערק, א ווארשטאט פון ליאלקעס־טעאטער (תיאטרון הבובות) און עס זענען פארגעקומען פרוון פון קינדער־טעאטער און אפילו קלענערע פארשטעלונגען.

די ביבליאטעק האט פון אנהייב צוליב לעגאליטעט־טעמים, באדינט בלויז אנשטאלטן פון „צענטאס", ווי: יתומים־הייזער, קינדערקיכן, האלב־אינטערנאטן פאר א"ג גאסן קינדער (בעטלענדיקע), קינדער־ווינקלען בײַ פליטים־פונקטן, קינדער־שפיטאל, קאראנטין־קינדער (פאר די לעצטע האבן מיר געהאט באזונדערע ביכער, כדי נישט אנצושטעקן אנדערע קינדער). די צאל קינדער־אנשטאלטן, וועלכע האבן ארויסגעבארגט ביכער־קאמפלעטן, (10-20 ביכער) האט דערגרייכט 50. שפעטער, ווען זומער 1941 זענען ענדלעך די ביבליאטעקן און אויך אנדערע ביבליאטעקן לעגאליזירט געווארן, האבן דארט אנגעהויבן ארויסבארגן ביכער אויך אינדיווידועלע לייענערס. זייער צאל האט אין א קורצער צײַט, דערגרייכט 700. מער האט שוין די ביבליאטעק נישט געקאנט באדינען, בפרט אז יעדעם קינד האט געהאט דאס רעכט אויסצובארגן גלײַכצײַטיק 2 ביכער, א ייִדיש'ס און א פויליש'ס, דער אפצאל איז געווען א מינימאלער; א טייל קינדער האבן בכלל נישט געצאלט. די ביבליאטעק האט דעמאלט אנגעהויבן אנצונעמען קודם כל ארעמע קינדער און די פארמעגלעכע אפגעשיקט אין א פריוואטער קינדער־ביבליאטעק פון פרוי סטעפא ווארטמאן אויף עלעקטאראלנע.

די קינדער־ביבליאטעק האט ארום זיך געזאמעלט א ריי געטרײַע פרײַנד, קינדער און דערוואקסענע. וועגן קינדער, זאמלער פון ביכער, איז שוין געווארן דערמאנט, אבער אחוץ די, האבן אנדערע קינדער און יוגנט מיטגעארבעט טאג־טעגלעך, בײַם דעקארירן דעם לאקאל, מאכן קאטאלאגן (א טייל קאטאלאגן פאר ייִנגערע קינדער זענען געווען אילוסטרירט), פאררינכטן און בינדן די צעריסענע ביכער, ארומגיין צווישן די לייענער און אויפמאנען די איבער־

געהאַלטענע ביכער (אָפּט נישט אָפּגעגעבן צוליבן פעלן פון מלבושים, קרענק, טויט) און פּשוט געהאָלפן בײַם אַרויסגעבן ביכער. די געטרײַסטע מיטאַרבעטער זענען געווען: סאַבטשע (שיינדל) בייטעל, רוזשיטשקאַ שוואַרצבערג, פּאָלאַ (פּערעלע) בילאַווער, שולמית בראַטשטיין. ווען די ביבליאָטעק האָט מיט דער צײַט זיך שוין געקאָנט דערלויבן אויף אַ געצאָלטער הילף, איז אַנגאַזשירט געוואָרן ווי מײַן געהילף די סטודענטן פון ביבליאָטעקאַרן־סטודיום אסתר קאַכאַנאָוויטש. אחוץ די אויסגערעכנטע האָבן פיל אַנדערע קינדער לייענערס גערן געהאָלפן בײַ פאַרשידענע אַרבעטן.

פון דערוואַקסענע פרײַנד פון דער ביבליאָטעק, וועלכע האָבן געהאָלפן מיט ביכער, געשאַפן מאַטעריעלע אונטערשטיצונג און מיטגעאַרבעט פּעדאַגאָגיש בײַם אײַנאָרדענען ליטעראַרישע פּרימאָרגנס, אויף וועלכע מען האָט געלייענט פאַר די קינדער פראַגמענטן און דערציילונגען פון די בעסטע ייִדישע שרײַבער, דאַרף מען דערמאָנען די פרײַנד ראָזאַ פּימכאָוויטש (נאָך איר טויט אויף טיפוס, סוף 1941 איז די ביבליאָטעק אָנגערופן געוואָרן אויף איר נאָמען), די שריפטשטעלערין רחל אויערבאַך, די לערערין מינאַ אבעלמאַן־ליבענשטיין; יחזקאל בראַטשטיין, שמואל ווינטער, יוסף יאַשונסקי, ישראל ליכטענשטיין, נתן סמאָלאַר, פּייוול ראַוויצקי און לייב שור, וועלכער האָט פון די געזאַמלטע ביכער איבערגעגעבן מיר אַלע פּאַסיקע פאַר קינדער און טאָג־טעגלעך באַזוכט די ביבליאָטעק.

צו באַוווּנדערן איז געווען דער דורשט נאָך וויסן, וואָס עס האָבן אַרויסגעוויזן ייִדישע קינדער אין יענער שרעקלעכער צײַט. בכלל האָט מען אין געטאָ־וואַרשע אַ סך געלייענט. פאַרשפּאַרטע צוליב דער פריִער פּאָליציי־שעה — גאַנצע אָוונטן אין די שטיבער אָפּגעריסן פון די מערסטע קולטור־פאַראַנשטאַלטונגען — האָבן מענטשן זייער פיל געלייענט. אין אַ טייל הײַזער האָבן הויז־קאָמיטעטן אָרגאַניזירט אַן אויסטויש פון ביכער צווישן די אײַנוווינער. אָבער צום ערגסטן אויסגעהונגערט אויף ביכער זענען געווען קינדער, וועלכע האָבן עטלעכע יאָר נישט געהאַט קיין שולן. אויב געליטן האָבן אַפילו די פאַרמעגלעכע קינדער, וועלכע האָבן נאָך געהאַט זייערע היימען, שפּילצײַג און ביכער, איז שוין גאָר שרעקלעך געווען דער גורל פון די אָרעמע קינדער פון פּליטים און נשרפים. גאַנצע ווינטערס האָבן זיי אָפּגעשוואַרצט, אײַנגעוויקלטע אין שמאַטעס, אויף די הוילע ברעטער פון די פּליטים־פּונקטן, אָדער אין זייערע אָרעמע היימען, פון וועלכע מען האָט שוין אויספאַרקויפט דאָס לעצטע קישן. דאָס בוך איז פאַר די קינדער געווען כמעט טוישן ביכער פאַר זייערע שכנים, וועלכע האָבן נישט געהאַט וואָס אַזוי נייטיק ווי ברויט, אָפּט מאָל זענען געקומען קינדער „דעלעגאַטן" אָנצוטאָן. בכלל זענען ס'רוב קינדער געגאַנגען פאַנטאַסטיש געקליידעט אין עפּעס טיכער, קאָלדרעס, שמאַטעס. אָבער געקומען אין ביבליאָטעקן זענען זיי כמעט אַלע טאָג און געבעטן „אַ שיין ביכל, כ'זאָל פאַרגעסן אין הונגער".

דער סוף פון אַלע קינדער כמעט איז פאָרגעקומען אין יולי 1942. אין די ערשטע טעג פון דער פאַרניכטונג זענען נאָך איינצלנע קינדער, וואָס האָבן געהאַט דעם טאַטנס „אַ גוטן אויסווייז" פון די דײַטשן, געקומען אין ביבליאָטעק. אָבער אויף דער צווייטער וואָך האָט זיך שוין קיין לעבעדיק קינד נישט באַוויזן אין גאַס. ווען לעשנאָ איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פונעם געטאָ, האָב איך נאָך פּרובירט אַריבערפירן די ביכער אויף גענשע, אין אַ דירה וועלכע ס'האָט מיר געגעבן י. יאַשונסקי. אָבער די גאַנצע מי איז געווען אומזיסט. דעם זעלבן טאָג איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד לייב שור, ווען מען האָט זײַנע ביכער אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער.

נאָך דער מלחמה:

אין די ערשטע טעג נאָך די באַפרײַונג האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ס'איז נישט געבליבן קיין איין ייִדיש בוך. אָבער שוין אין אַ צײַט אַרום האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ס'איז נישט אינגאַנצן ריכטיק, אַ טייל ביכער זענען ניצול געוואָרן על פּי צופאַל, אַנדערע האָבן די דײַטשן געשווינט,, וועלנדיק זיי אָפּנים נאָך דער מלחמה פאַרקויפן.

שוין סוף יאַנואַר 1945 האָבן זיך אין לובלין, אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק א"נ פון לאָפּאַטשינסקי, אָפּגעפונען 59 קאַסטנס און אַ סך לויז אָנגעשאָטענע ספרים, וועלכע זענען אַפילו געווען טיילווײַז קאַטאַלאָגירט און צוגעגרייט אַרויסצושיקן קיין דײַטשלאַנד. אין פעברואַר האָב איך זיך דערוווּסט אַז אין לאָדזשער־געטאָ וואַלגערן זיך ביכער אין די גאַסן. אַפילו אין פאַרברענטן וואַרשע האָב איך אין מערץ אָנגעטראָפן אויף אַ געוויסע צאָל ביכער אין די קעלערן פונעם קלויסטער (כנסיה) פון הייליקן אויגוסטין אויף נאָוואָליפּקע.

גלייבנדיק אַז מען קען נאָך פיל ביכער אָפּגעפינען, האָב איך פאָרגעלייגט דעם ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט צו שאַפן אַ צענטראַלע ביבליאָטעק, וועלכע זאָל זיך שטעלן פאַר אַן אויפגאַבע אָפּצוראַטעווען און צונויפצוזאַמלען אַלע פאַרבליבענע אין פּוילן ייִדישע ביכער.

אָנהייב אַפּריל 1945 איז דער פּראָיעקט פון שאַפן אַ צענטראַלע ייִדישע ביבליאָטעק אין וואַרשע באַשטעטיקט געוואָרן. ס'איז אָבער נישט געווען קיין לאָקאַל און אַ יאָר צײַט זענען די געזאַמלטע ביכער אָפּגעלעגן אין אַ קליין צימערל פון ייִדישן צענטראַל־קאָמיטעט אויף שעראָקע 31, וווּ ס'איז שווער געווען זיי צו קאַטאַלאָגירן און באַאַרבעטן. צוליב דעם האָט זיך אויך פאַרשלעפּט דער ענין פון אָפּנעמען גרויסע צאָלן ייִדישע ביכער, וועלכע האָבן זיך אָפּגעפונען אין פאַרשידענע פּוילישע ביבליאָטעקן. מיר האָבן זיי צײַטווײַליק פאַרזיכערט אויף די ערטער. לויטן באַפעל פון בילדונגס־מיניסטעריום האָבן אַלע ייִדישע ביכער געהערט צו דער צענטראַלער ביבליאָטעק. ס'איז אַ געוויסע צײַט אָנגעגאַנגען אַ שטרײַט מיט דעם פאַרבאַנד פון ייִדישע רעליגיעזע קהילות אין פּוילן, וועלכער האָט געהאַלטן אַז די רעליגיעזע ספרים געהערן צו אים. אַזוי ווי, אָבער, אין ערגעץ זענען די וועלטלעכע און רעליגיעזע זאַמלונגען נישט געווען אָפּגעטיילט, האָב איך מורא געהאַט אַז בײַ דער קאָנקורענץ פון צוויי צדדים קאָנען בכלל פיל ביכער פאַרפאַלן ווערן. כ'בין, דעריבער, אַדורכגעקומען מיט דעם פאַרבאַנד אַז אָפּנעמען אַלע ביכער וועט די צענטראַלע ביבליאָטעק און שפּעטער וועט מען בשותּפות זיי פאַרטיילן. דער פאַרבאַנד האָט דעלעגירט אין ביבליאָטעק זײַן פאָרשטייער, פריִער הער זילבערינג, שפּעטער הער לייב ביאַלער. וועגן דעם איז געמאָלדן געוואָרן דעם בילדונגס־מיניסטעריום און פון דעמאָלט אָן איז די קאָנצענטראַציע פון די ביכער פאָרגעקומען אָן שום שטערונגען.

אויסער ביבליאָטעקן האָבן זיך געמאָלדן פיל פּערזאָנען, וואָס האָבן געהאַט אויסבאַהאַלטן ייִדישע ביכער און איצט זיי אָפּגעגעבן. אין געוויסע פאַלן, אָבער זעלטן, האָבן מיר אויסגעצאָלט קליינע געלט־פּרעמיעס פאַר די אָפּגעגעבענע ביכער.

פרילינג 1946 איז די ביבליאָטעק אַריבערגעגאַנגען אין אַ ספּעציעלן לאָקאַל (4 צימערן) אויף פּאָזנאַנסקע 3. אין קורצן איז דער קאָמיטעט צוגעטראָטן צו רעמאָנטירן די געבײַדע פון דער אַמאָליקער יודאַיִסטישער ביבליאָטעק אויף טלאָמאַצקע 5. אָנהייב 1947 זענען אַלע אָפּגענומענע ביכער שוין דאָרט אַוועקגעפירט געוואָרן און אין זומער 1948 האָט זיך די גאַנצע ביבליאָטעק אַהין אַריבערגעטראָגן. בסך־הכל זענען ביזן יאָר 1948 געזאַמלט געוואָרן 120.000 בענד פון וועלכע אַ טייל זענען געבליבן אין וואַרשע (אַרום 30.000), אַ טייל זענען פאַרטיילט געוואָרן אין פאַרשידענע שטעט צווישן אָרטיקע ביבליאָטעקן (אַרום 10.000) אָבער די גרעסטע צאָל פון רעליגיעזע ספרים (אַרום 80.000) איז איבערגעגעבן געוואָרן ווי אַ מתנה דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק אין ירושלים — אין יאָר 1948 — 66.438, אין יאָר 1949 אַרום 14.000.

די ביכער זענען געפונען געוואָרן אויף די ווייטערדיקע ערטער:

1) לובלין: שטאָטישע ביבליאָטעק א"נ פון לאָפּאַטשינסקי, נאַראָטאָוויטשאַ 4. געפונען און פאַרזיכערט — יאַנואַר 1945, אָפּגענומען 1947. — 1 וואַגאָן ביכער פון ישיבת חכמי לובלין און פּריוואַטע זאַמלונגען.

2) לאָדזש: געטאָ, געקליבן אין די הײַזער און אויף די גאַסן, אין מערץ־אַפּריל 1945. ביכער פון באָראָכאָוו־ביבליאָטעק און אַנדערע.

3) וואַרשע: קלויסטער פון הייליקן אויגוסטין אויף נאָוואָליפּקע, ביכער פון גימנאַזיום „אסכלה" און „חינוך", יודאַיִסטישן אינסטיטוט, שפּיטאָל אויף טשיסטע.

4) כעלם: ביכער פון „פּרץ־ביבליאָטעק".

5) פּרושקאָוו: געפונען אין געביידע פון שטאָט־ראַט, די ביכער האָבן געהערט צו אַן אָרטיקן ייִדישן בעקער י. באָרנשטיין.

6) וואַרשע: זשאָליבאָרזש, ביכער מיט אַ חתימה ב. מיכאַלעוויטש.

7)וואַרשע: געפונען אין אַ קעלער דזשעלנע 25, וווּ זיי זענען אָפּגעלעגן אַרום 15 יאָר. די ביכער שטאַמען פון דער קאָנפיסקירטער ביבליאָטעק פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע־פאַראיין.

8) פּויזן: די אוניווערסיטעט ־ ביבליאָטעק האָט געפונען אין די קלויסטערס ייִדישע ביכער וואָס שטאַמען פון לאָדזש און א"ג „וואַרטענאַו" — 4 וואַגאָן.

9) קראָקע: די יאַגעלאָנער ביבליאָטעק האָט געפונען אַרום 10.000 ייִדישע ביכער ס'רוב פון קראָקע און אַרומיקע שטעט.

10): קראָקע: אין שלאָס וואַוועל האָבן זיך אָפּגעפונען (טיילווייַז צוריקגעברענגט פון בייַערן) אַרום 5.000 ייִדישע ביכער.

11) וואַרשע: אין דער סיים (פּאַרלאַמענט)־ביבליאָטעק האָבן זיך צווישן די אָפּגענומענע ביכער אין דייַטשלאַנד געפונען ייִדישע, אַרום 5.000, פון יודאַיִסטישע ביבליאָטעקן אין וואַרשע און ווראָצלאַוו.

12) וואַרשע: אין דער פּוילישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק האָבן זיך אָפּגעפונען ביכער פון אַ טייל וואַרשעווער ייִדישע פּריוואַטע לייַ־ביבליאָטעקן, קאָנפיסקירטע אין יאָר 1940.

אויסער דעם זענען געזאַמלט געוואָרן קלענערע צאָלן פון טייל מאָל זייער ווערטפולע ביכער. אויך פון אויסלאַנד זענען אָנגעקומען מתנות: אין יאָר 1946 פון ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט אין אַמעריקע אַרום 5.000 בענד, שפּעטער פון פּראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן אַרום 200; פון ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע אַרום 500; ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין ענגלאַנד — 238 ביכער; ייִדישן וועלט־קאָנגרעס אין קאַנאַדע — 3.500 ביכער.

דעם קולמינאַציע־פּונקט האָט די ביבליאָטעק דערגרייכט אין יאָר 1948, ווען אין די ראַמען פון 5טן יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד איז צווישן אַנדערע פייַערלעכקייטן אָרגאַניזירט געוואָרן אַ פּרעכטיקע „אויסשטעלונג פון אָפּגעראַטעוועטן ייִדישן בוך.

די אויסשטעלונג, וואָס איז באַזוכט געוואָרן דורך טויזנטער געסט, אויסלענדישע ייִדישע דעלעגאַטן און אָרטיקע אויספלוגן, האָט אַרומגענומען העכער 500 עקספּאָנאַטן און איז באַשטאַנען פון 5 אָפּטיילונגען:

1טע אָפּטיילונג: לזכרון פון פאַרניכטעטע יידישע ביבליאָטעקן און דערמאָרדעטע ביבליאָטעקאַרן.

זענען אין 3 גאַבלאַטן געזאַמלט געוואָרן ביכער מיט חתימות פון 75 ייִדישע ביבליאָטעקן פון וואַרשע, לאָדזש, לובלין, קראָקע און אַרומיקע שטעט.

2טע אָפּטיילונג: אַלטע העברעישע דרוקן.

אין 6 גאַבלאַטקעס האָבן זיך געפונען אַרום 100 זעלטענע אַלטע דרוקן, דרוקן פון 16טן, 17טן, 18טן יאָרהונדערט, וואָס שטאַמען פון איטאַליע, שפּאַניע (ספרד), טערקייַ, האָלאַנד, טשעכן, דייַטשלאַנד און אַ רייַכע קאָלעקציע פון פּוילן: קראָקע, לובלין, טורקאָ, זשולקעוו, נאָווידוואָר א"א ס'האָט זיך אפילו אָפּגעפונען איין ספר פון צפת. צו די זעלטנהייטן האָבן געהערט: אַן אַלטע אויסגאַבע פון תלמוד מיט האַנט־שטרייַכונגען פון דער דעמאָלטדיקער קאַטוילישער צענזור, אַ מחזור מיט קבלה־האַנט־צושריפטן, אַן אַלטער סידור פון וועלכן אויף האַלבע אָפּגענוצטע בלעטער איז געוועזן מיט קליינטשיקן כתב צוגעשריבן דער טעקסט א"א.

3טע אָפּטיילונג: ביכער, וואָס אילוסטרירן די אַנטוויקלונג פון וועלטלעכער יידישער ליטעראַטור.

אויף 6 טישן האָבן זיך געפונען אַרום 200 ביכער אייַנגעטיילט אויף ווייַטערדיקן אופן:

א) די עלטסטע ביכער: צאנה וראנה, יוסף־שפּיל, גערייַמטע געשיכטן, עטינגערס סערקעלע, גאָלדפאַדנס כישופמאַכערן, לינעצקים דאָס פּוילישע ייִנגל, ערשטע אויסגאַבעס פון דיק, שמ"ר, לאַטיינער א"א.
ב) קלאַסיקער און זייער דור — ערשטע אויסגאַבעס פון מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, דינענזאָן און זייערע מיטצייַטלערס;
ג) מאָדערנע ראָמאַנען און דערציילונגען;
ד) דיכטונג און דראַמע;
ה) זכרונות;
ו) וויסנשאַפטלעכע ווערק;
ז) איבערזעצונגען פון דער פּוילישער ליטעראַטור (מיצקעוויטש, סלאָוואַצקי, שענקעוויטש, פּרוס, אָזשעשקאָוואַ, זשעראָמסקי, ריימאָנט, בזשאָזאָווסקי, בערענט, וויספּיאַנסקי, דזשעוויעצקי, קאָרטשאַק, גורסקאַ, טוּווים א"א).

4טע אָפּטיילונג: ווערק פון 25 יידישע שרייבער, וואָס זענען אומגעקומען בעת דער נאַצי־הערשאַפט.

פּערלע, קאַציזנע, לערער, ליס, שימעל, האָראָנטשיק, הערשעלע, קיפּניס, רינגעלבלום, באַלאַבאַן, לינדער, אָסטערזעצער, פּרילוצקי, לעהמאַן, שיפּער א"א.

5טע אָפּטיילונג: ביכער וועגן קאַמף און אומקום

אין דער העברעיִשער און פּוילישער שפּראַך;
א) דאָקומענטאַלע אויסגאַבעס, מאָנאָגראַפיעס;
ב) זכרונות;
ג) ראָמאַנען, דערציילונגען, דיכטונג און דראַמע.

די אויסשטעלונג האָט געדויערט 2 חדשים. אַ טייל פון איר איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטענדיקער מוזעאַלער אָפּטיילונג פון דער ביבליאָטעק.

ס'איז כדאי צו באַמערקן אַז פון וואַרשעווער ביבליאָטעקן האָבן זיך אָפּגעפונען אַ טייל ביכער, די וויכטיקסטע: יודאַיִסטישע פון טלאָמאַצקע, יודאַיִסטישער אינסטיטוט, לערער־סעמינאַר אויף גענשע, „דאָס לעבן", „וויסן", „הומאַניטע", „רענעסאַנס", „פּאָליגלוב", „לעקטוראַ", „גלאָריאַ". אַפילו פון אַ קליין ביבליאָטעקל „יוטשניאַ" האָב איך אָפּגעפונען אַ טייל ביכער, אָבער דאָס שוין אין ירושלים, אין בוכהאַנדלונג אויף רחוב הנביאים.

שפּעטער, אין יאָר 1949, מיטן אָנפאַנג פון דער מאַסן־עליה פון פּוילן, וועלכע האָט שטאַרק פאַרקלענערט די באַוועגונג אין דער ביבליאָטעק, איז אויך ליקווידירט געוואָרן די צענטראַלע ייִדישע ביבליאָטעק ווי אַ באַזונדערע אינסטיטוציע. אַ טייל דובלעטן, וואָס זענען פריער געווען באַשטימט צום אַרויסבאָרגן לחוץ (די ביבליאָטעק האָט געהאַט לייענערס, וועלכע זי האָט באַדינט דורך פּאָסט) זענען צעטיילט געוואָרן אין אַנדערע שטעט. דער גרונט־ביכער־אוצר איז אָנגעשלאָסן געוואָרן אין ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט און געבילדעט זייַן ביבליאָטעק.

בן חיים (בוענאָס אײַרעס)

די ייִדישע לעדער־אַרבעטער אין וואַרשע

(זכרונות און עפּיזאָדן)

סוף פאָריקן און אָנהייב הײַנטיקן יאָרהונדערט, ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען קאָנגרעס־פּוילן האָט זיך געפונען אונטערן יאָך פונעם צאַרישן רוסלאַנד, איז די שיך־ און לעדער־אינדוסטריע אין פּוילן געווען זייער אַנטוויקלט. וואַרשע, די הויפּטשטאָט פון קאָנגרעס פּוילן, איז געווען דער צענטער ווו עס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן גרויסע סכומים שיך און אַנדערע לעדער־אַרטיקלען פאַרן רוסישן מאַרק.

די פּוילישע מענער־ און דאַמען־שיך, שטיוול, שטיוועלעטן, געוואַלקטע כאָליעוועס, באָסאַקעס (זומערדיקע שטעקשיך), און פאַרשידענע גאַלאַנטעריי־אַרטיקלען פון לעדער, ווי: דאַמען־בײַטלען, מענערישע געלטבײַטלען, האַנטטעקעס, פּאַסקעס, שעלקעס, הענטשקעס, וואַליזקעס און רימערישע אויסאַרבעטונגען, זענען געווען באַרימט אין גאַנץ רוסלאַנד. סוחרים, וואָיאַזשאָרן און פאַרטרעטערס פון גרויסע פירמעס פון די ווײַטסטע געביטן אין רוסלאַנד האָבן פאַרפלייצט די וואַרשעווער האָטעלן און אכסניות ווו זיי האָבן אויפגענומען די פאַבריקאַנטן, מײַסטערלעך און מעקלערס פון אַלע צווײַגן פון דער לעדער־בראַנזשע, באַטראַכט די נײַע מאָדעלן, אויסגעדונגען פּרײַזן און געמאַכט באַשטעלונגען אויף אַ גאַנץ יאָר אַרבעט.

אין דער גאַנצער לעדער־בראַנזשע זענען — מיט קליינע אויסנאַמען פון פּוילישע שוסטערס וואָס האָבן געאַרבעט פאַרן היימישן מאַרק און בײַ בעסערער אַרבעט, לויט דער מאָס (מ'האָט זיי גערופן „שפּילקאָווע” שוסטערס) — געווען באַשעפטיקט ייִדן, סײַ ווי פאַבריקאַנטן און קליינע מײַסטערלעך און סײַ ווי אַרבעטער. די געגריוועטע שוסטערס, קאַמאַשן־מאַכערס, באָסאַק־מאַכערס, בײַטל־מאַכערס, אַרבעטער בײַ הענטשקעס און שעלקעס, רימערס און וואַליזקע־מאַכערס, זענען געווען בלויז ייִדן. אַ סך צענדליקער טויזנטער ייִדישע אַרבעטער אין וואַרשע און אויך אין אַנדערע קליינע שטעטלעך אין פּוילן זענען געווען באַשעפטיקט בײַ דער לעדער־בראַנזשע. אין אַזעלכע שטעטלעך ווי לוקאָוו, קאָזשעניץ, שעדלעץ א"א זענען כמעט אַלע ייִדישע איינוווינערס געווען לעדער־אַרבעטער. אין יענער צײַט איז טאַקע די לעדער־אינדוסטריע אָנגערופן געוואָרן די „ייִדישע שווערע אינדוסטריע אין פּוילן”.

דער עלעמענט פון די ייִדישע לעדער־אַרבעטער אין פּוילן בכלל און אין וואַרשע בפרט האָט געשטאַמט פון פאַרשידענע שיכטן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. בײַ די אַזוי גערופענע לײַכטערע און איידעלע פאַכן ווי קאַמאַשן־מאַכערס, בײַטל־מאַכערס א"א זענען געווען באַשעפטיקט די „בעל־הביתשע קינדער”, „די זײַדענע „יונגע־לײַטלעך”, ווי מען פלעגט זיי רופן. זיי זענען געקומען פון מיטלקלאַס, פון האַלב פאַרמעגלעכע חסידישע עלטערן, האָבן נישט געוואָלט מער לערנען אין דער ישיבה, אין בית־המדרש אָדער אין חסידים־שטיבל. אַנדערע זענען געווען חתונה געהאַטע וואָס האָבן שוין אָפּגעגעסן די קעסט בײַם שווער. עס זענען אויך געווען אַזעלבע וואָס כאָטש עס איז פאַר זיי און פאַר זייערע עלטערן געווען שווער דאָס צעשיידן זיך מיטן לערנען און אַ חרפּה צו ווערן אַ בעל־מלאכה, האָט אָבער די עקאָנאָמישע לאַגע געשטויסן צו דעם אַז זיי האָבן געמוזט אָנקומען צו אַן אַרבעט מיט דער טרייסט אַז נאָך אַ קורצער צײַט אַרבעטן בײַ יענעם וועלן זיי אָנהייבן פאַר זיך און מיטן אייבערשטנס הילף ווערן אַליין בעל־הבתים און לײַטישע מענטשן.

בײַ די שווערע און פּראָסטע פאַכן, ווי געגריוועטע שוסטערס, באָסאַק־מאַכערס, וואַלקערס, רימערס און וואַליזקע־מאַכערס, זענען געווען באַשעפטיקט קינדער פון אָרעמען פאָלק, פון גאַסן־הענדלערס, פון שוסטער־לאַטוטניקעס, פון פּשוטן אָרעמען טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, וועלכע האָבן זיך נישט געשעמט מיט דער אַרבעט. די אַרבעט איז בײַ זיי נישט געווען אַן אָפּקומעניש, מיטן אויסקוק צו ווערן פאַבריקאַנטלעך. צוליב דעם גרויסן נאָכפרעג אויף אַרבעטסהענט בײַ די געגריוועטע שוסטערס, זענען זיי געווען פון די בעסט באַצאָלטע אַרבעטער אין יענער צײַט, און אַלע אַנדערע אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן און אַנדערע אינדוסטריעס, אַפילו די „זײַדענע ,יונגע־לײַטלעך” פון די „איידעלע” פאַכן וועלכע האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די געגריוועטע שוסטערס, האָבן זיי מקנא געווען מיט זייערע גרויסע פאַרדינסטן.

דער גרויסער אויפשוווּנג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג פאַרן 5טן יאָר, די רעוואָלוציע פון 5טן יאָר אין צאַרישן רוסלאַנד און אין פּוילן און דער אָנהייב פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין יענער צײַט האָבן אַ סך משפּיע געווען אויף די ייִדישע לעדער־אַרבעטער. די קאַמאַשן־מאַכערס, בײַטל־מאַכערס א"א וועלכע האָבן אין זייער פרײַער צײַט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין בית־המדרש אָדער אין חסידים־שטיבל כדי אַרײַנצוכאַפּן אַ בלאַט גמרא אָדער אַ שמועס וועגן דעם אָדער יענעם חסידישן רבין, זענען געווען באַעוולט פון זייערע בעל־הבתים און מײַסטערלעך מחמת די קליינע לוינען וואָס זיי פלעגן באַקומען בײַ אַן אַרבעט מבוקר ועד ערב (פון פרי ביז שפּעט אין אָוונט). זיי האָבן זיך צוגעהערט טאַקע מיט גרויס פאַרזיכטיקייט צו די רייד פון די „אַגיטאַטאָרס” אין די שוואַרצע רוסישע העמדלעך און קאָלירטע גאַרטלען מיט „פּאָמפּאָניקעס” אין דער זײַט, מיט די גרויסע טשופּרינעס און ראַזירטע „מאָרדעס”. זיי האָבן מיט אויפמערקזאַמקייט געלייענט די מאָדנע בלעטלעך, געדרוקטע אויף קליינע שטיקלעך ביבולע־פּאַפּיר, וועלכע זיי האָבן גערופן „פּראָקלאַמאַציעס”, וואָס די „אַגיטאַטאָרס” האָבן זיי בגנבה אַרײַנגעשטופּט אין די קעשענעס בײַם אַרויסגיין שפּעט אין אָוונט פון דער אַרבעט, און גערופן זיי צו קומען אויף די אַרבעטער־בירזשעס.

די רעוואָלוציאָנערע לופט פון יענער צײַט האָט זייער שנעל געווירקט אויף די לעדער־אַרבעטער. אַ גרויסע באַוועגונג אויף די אַרבעטער־בירזשעס האָבן געשאַפן די לעדער־אַרבעטער. די באַרימטע מילע־גאַס, ווו עס איז געווען די בירזשע פון די לעדער־אַרבעטער, איז געווען אַ פעסטונג וואָס די רוסישע „קנעפּלעך” און „שפּיצלען” האָבן נישט געקענט אומוואַרפן. אַ גרויסע צאָל לעדער־אַרבעטער האָבן אין די שפּעטערע יאָרן פאַרנומען אָנגעזעענע ערטער אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. די באַרימטע אומלעגאַלע שטרײַקן פון די שוסטערס, קאַמאַשן־מאַכערס און וואַלקערס האָבן געהאַט גרויס אָנזען און ווירקונג אין יענע אומלעגאַלע צײַטן פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער עלעמענט פון די געגריוועטע שוסטערס איז, ווי עס איז שוין פריִער אָנגעוויזן געוואָרן, באַשטאַנען פונעם אָרעמסטן טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין וואַרשע. אָן שום דערציִונג און

בילדונג — א סך פון זיי האָבן אפילו דעם אמאָליקן חדר נישט באַזוכט — גאַנצע און האַלבע אַנאַלפאַבעטן, האָבן זיי זיך דערצויגן אויף דער גאַס און זענען געוואָרן קרבנות פון דער אונטערוועלט. כאָטש אַרבעטער און גוטע פאַרדינערס, האָבן זיי געפונען אין זייער פרײַער צײַט אויף די ראָגן פון די גאַסן, אין די שענקען און רעסטאָראַנען, די אונטערוועלט־מענטשן, וועלכע האָבן שטענדיק געוווינט אין שכנות מיט דער אָרעמער באַפעלקערונג, צוזאַמען אין די הייף און אין די גאַסן מיט דער ייִדישער אָרעמקייט און האָבן פון דאָרט אַרויסגעשעפט זייער מענטשן־מאַטעריאַל. די געגריוועטע שוסטערס, נישט האָבנדיק קיין לעגאַלע אַרבעטער־אינסטיטוציעס און קלובן, זענען אַרײַנגעפאַלן אין דער שכנישער סביבה פון די גנבים און אַנדערע „לײַט", אַזוי אַז אַ ביסל האָט איין טייל באַווירקט דעם צווייטן. עס זענען געווען אַרבעטער וואָס נאָך דער אַרבעט האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט אונטערוועלט־געשעפטן און עס זענען אויך געווען אונטערוועלט־מענטשן וואָס נישט פאַרלאָזנדיק זייער פאַך . . . זענען זיי אויך אַרײַן אין די פאַבריקן אַרבעטן.

אָבער דער אויפשוווּנג פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג האָט באַווירקט דעם אָפגעשטאַנענעם טייל אַרבעטער און זיי האָבן זיך אַרײַנגעקייטלט אין דער באַוועגונג און זענען שפעטער געוואָרן דער גרויסער כוח לטובת דער באַוועגונג, באַזונדערס אינעם קאַמף וואָס די אַרבעטער האָבן דאַן געהאַט מיט דער אונטערוועלט פון דער ייִדישער וואַרשע, מיט די גנבים און אונטערוועלטניקעס וואָס האָבן אונטערגעשטיצט די פאָליציי קעגן די אַרבעטער. די אַמאָליקע גוטע ברידער פון די אונטערוועלטניקעס, די געגריוועטע שוסטערס, זענען געוואָרן געטרײַע איבערגעגעבענע קעמפערס פאַר דער באַוועגונג קעגן זייערע פריִערדיקע חברים, זיי האָבן געוווּסט זייערע אַלע „טריקן" און „שפיצלעך", האָבן געקענט זייערע אַלע „פערזענלעכקייטן" . . . וואָס זענען געווען יד־אחת מיט דער פאָליציי, האָבן געוווּסט פון אַלע „מלינעס". די געגריוועטע שוסטערס האָבן אַרויסגעוויזן זייער פיזישן כוח אינעם פאַרמעסטן זיך מיט דער אונטערוועלט סײַ אויף „טרוקן" און סײַ אויף „נאַס", ווען די אונטערוועלט האָט זיך געשטעלט אין קאַמף קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג.

עס איז כדאי צו דערמאָנען די באַרימטע אָנפאַלן פון די אַרבעטער אויף דער אונטערוועלט, ווען גאַנצע הייף און גאַסן מיט די ערטער וווּ די אונטערוועלט האָט זיך אויפגעהאַלטן זענען צעשטערט געוואָרן, די שטובזאַכן אַרויסגעוואָרפן אויף דער גאַס, דאָס בעטגעוואַנט און די פעדערן זענען געפלויגן פון די פענצטער. די אונטערוועלטניקעס זענען פיזיש צעשלאָגן געוואָרן, אַרויסגעשלעפט געוואָרן פון די באַהעלטענישן און האָבן עס געהאַט צו געדענקען זייער אַ לאַנגע צײַט. ביז זייערע באַשיצערס — די „קנעפלעך" — זענען געקומען איז דאָס „שטיקל אַרבעט" פאַרטיק געוואָרן, — לויט דער שפראַך פון די געגריוועטע שוסטערס, וועלכע זענען געווען די הויפט־מחותנים אויף דער דאָזיקער שמחה. דאָס האָט זיך אין יענע צײַטן איבערגעחזרט אַ סך מאָל, ביז די אונטערוועלטניקעס זענען אַרײַנגעטריבן געוואָרן אין די מײַזנלעכער, וווּ זיי האָבן שוין מער נישט געקענט זײַן קיין שטיצע פאַר די „קנעפלעך". אַ סך צו פאַרדאַנקען האָבן זיי געהאַט זייערע אַמאָליקע „גוטע ברידער", די געגריוועטע שוסטערס, וואָס מיט זייער ערלעכער פרימיטיוויקייט זענען זיי איבערגעגאַנגען אין אַרבעטער־לאַגער און אים געדינט געטרײַ און איבערגעגעבן. אַ סך פון זיי זענען געוואָרן גוטע טוערס אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

כאַראַקטעריסטיש איז זייער פרימיטיוויקייט אין קאַמף מיט זייערע בעל־הבתים.

אין זייער ערשטן גרויסן שטרײַק אין דער שיכפאַבריק פון בערקע ברענער האָבן זיי, צו גלײַך מיטן אָפשטעלן די אַרבעטער פון דער פאַבריק, אַרויסגעשטעלט פאָדערונגען פאַר אַ העכערן לוין און נישט דערלאָזט צו שטרײַקברעכערײַ. זיי האָבן אויך פאַרפאַסט אַ לידל וווּ עס ווערט אויף זייער שטייגער אויסגעדריקט די אחדות צווישן די אַרבעטער, ווײַל עס איז געווען אַ געוויסער אַנטאַגאָניזם צווישן די צוויי הויפטצווײַגן פונעם פאַך, צווישן פוצערס און קלאַפערס (פוצערס זענען געווען מער פריווילעגירטע, האָבן מער פאַרדינט צוליב דער געהעריקער קוואַליפיקאַציע און די קלאַפערס זענען דערפאַר געווען מיט אַ געוויסער קנאה). זיי האָבן אויך אין דעם לידל אויסגעזונגען זייער קאַמפסגרייטקייט קעגן די בעל־הבתים און



אַ וואַרשעווער שוסטער

זייער אָנגעהעריקייט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג. ווער עס איז געווען דער מחבר פונעם ליד איז נישט באַוווּסט, אָבער עס איז געזונגען געוואָרן אין וואַרשע אַ סך יאָרן פון אַלע אַרבעטער, אפילו פון אַנדערע פאַכן. דאָס ליד הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „אוי, הערט אויס מענטשן, וואָס האָט זיך אין וואַרשע פאַרלאָפן". (עס געפינט זיך אין „פּנקס" צוזאַמען מיט די נאָטן אין דעם אָפּטייל פון פאָלקסלידער).

— אויף זייער אופן האָבן זיך די געגריוועטע שוסטערס געשטעלט אין די ערשטע רייען פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון פאַרן 5טן יאָר. ביים רעוואָלוציאָנערן אויסבראָך פונעם 5טן יאָר, ביי די גרויסע גאַסן־דעמאָנסטראַציעס און באַריקאַדע־קאַמפן אין וואַרשע, האָבן די לעדער־אַרבעטער בכלל און די געגריוועטע שוסטערס בפרט גענומען אַ גרויסן אָנטייל און געגעבן באַקומען קלעפּ פון די צאַרישע קאָזאַקן און פון דעם טרויעריק באַקאַנטן פאָלק „וואָלינצעס" וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע אכזריותן קעגן דער יידישער באַפעלקערונג (דער פאָלק איז געשיקט געוואָרן פון דער צאַרישער מאַכט פון טיפן סיביר אויף צו באַרויִקן וואַרשע...).

דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פון 5טן יאָר און דאָס בושעווען פון דער רעאַקציע אין צאַרישן רוסלאַנד בכלל און אין וואַרשע בפרט האָבן פאַרשטייט זיך אַ סך אונטערגעגראָבן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג. די אומלעגאַלע באַוועגונג איז געווען אַן איינגעשרומפּענע, אָבער אירע וואָרצלען זיינען געלעגן טיף באַהאַלטן און געוואַרט אויף נייע און בעסערע צייטן. די יידישע לעדער־אַרבעטער אין דער שפּיץ מיט די געגריוועטע שוסטערס זענען געבליבן וואַכזאַם, אָפּוואַרטנדיק די קומענדיקע נייע צייטן.

אין יענע יאָרן האָט זיך די רעאַקציע בכלל און די יידישע בפרט פאַרשטאַרקט. צו גלייך מיט דער יידישער רעאַקציע האָבן זיך אַרויסגערוקט די אונטערוועלטניקעס פון זייערע מייזלעכער, נקמה צו נעמען אין די יידישע אַרבעטער פאַר די אַמאָליקע צייטן. עס איז כאַראַקטעריסטיש דאָס לידל וואָס די אונטערוועלטניקעס האָבן געזונגען אין די יאָרן 1906—1908, וואָס איז אויך אונטערגעכאַפּט געוואָרן דורך די גבירים און חסידים וואָס זיי האָבן דאָס גאָר... געזונגען שמחת תורה ביי די הקפות אין אַ האַלבן שיכורן צושטאַנד (דאָס לידל, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער סטראָפע „שישו ושמחו בשמחת־תורה", געפינט זיך מיט נאָטן אין דעם אָפּטייל פון פאָלקסלידער). אַזוי פלעגן יידן גבירים זינגען צו די הקפות אין די שילן און חסידים־שטיבלעך... און די אונטערוועלטניקעס אין די שענקען און רעסטאָראַציעס... אָבער ביים ערשטן פּרוּוו צו פאַרמעסטן זיך פון דער אונטערוועלט קעגן די יידישע אַרבעטער זענען פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסן די געגריוועטע שוסטערס מיט זייערע אייזערנע אַרבעטס־מכשירים אין די הענט, די אַזוי גערופענע „שטיצעס", (אַזעלכע אייזערנע שטאַנגען אויף וועלכע מ'האָט אַרויפגעזעצט אייזערנע קאָפּיטעס און אַזוי אַרום האָבן זיי צוגעקלאַפּט די זוילן אויף די שיך), און מיט די דאָזיקע אַרבעטס־מכשירים האָבן זיי צוריק פאַריאָגט די אונטערוועלטניקעס אין זייערע לעכער.

מיטן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914 און מיט דער דייטשער אָקופּאַציע פון פּוילן אין 1915 האָט זיך אין גאַנצן געענדערט די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע און במילא אויך די לאַגע אין דער לעדער־בראַנזשע. קיין אַרבעט איז נישט געווען, די פאַבריקן זענען געווען פולשטענדיק געשלאָסן, אַ טייל לעדער־אַרבעטער זענען געווען מאָביליזירט פון די רוסן און געשיקט געוואָרן אין די פעלקן אין ווייטן רוסלאַנד, אַ טייל זענען אַריינגעפאַלן צו די דייטשן אין געפאַנגען־לאַגער, אַ טייל וואָס זענען געבליבן אין וואַרשע האָבן געאַרבעט ביי די דייטשן אויף עפנטלעכער אַרבעט, ביים גראָבן אָקאָפּעס, בויען בריקן א"א.

קליינע טיילן פון די געבליבענע אַרבעטער־טוערס האָבן אויפן רוף פון זייערע פּאַרטייען אויסגענוצט די מכלומרשטע פרייהייטן וואָס די דייטשע אָקופּאַנטן האָבן איינגעפירט און זענען אַרויס אין דער עפנטלעכקייט, געשאַפן לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייגען, אַרבעטער־קיכן, קלובן, ביבליאָטעקן. די פּראָפפאַראיינען האָבן געדונגען לאָקאַלן, געמאַכט פאַראיינס־סטעמפּלען. עס האָבן זיך אַרומגעפאָרעט קליינע גרופּעס אַרבעטער אין יעדן פאַראיין, אָבער די גרויסע מאַסן זענען נישט געווען. זיי זענען געווען צעשוווּמען, ווער אַלס קריגס־געפאַנגענער, ווער ביי די דייטשע אָקאָפּעס, און אַנדערע האָבן זיך דערווייל פאַרנומען מיט האַנדל און מיט פּראָדוקטן־שמוגל, כדי די נשמה צו דערהאַלטן. אַזוי האָט געדויערט די פּאָר יאָר פון דער מלחמה, ביזן אויסבראָך פון דער דייטשער רעוואָלוציע, ווען די דייטשן זענען אַנטלאָפן פון פּוילן קוים מיטן לעבן, ראַטעווענדיק זיך דורכן אַריינשטעקן רויטע בלימעלעך אין די לאַצן און שרייענדיק אַז זיי געהערן צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד...

נאָך דעם סוף פון דער מלחמה און נאָך דעם ווי פּוילן איז געוואָרן אַן אומאָפּהענגיקע מלוכה האָבן די פּוילישע און יידישע מאַסן אָנגעהויבן צוריקצוקומען קיין פּוילן. וואַרשע האָט באַקומען אַ ניי פּנים. אויס צאַרישע מאַכט, אויס דייטשע אָקופּאַציע, רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד און רעוואָלוציע אין פּוילן. די פּוילישע אַרבעטער האָבן איבערגענומען די מאַכט דורך דער מאָראַטשעווסקי־רעגירונג און פּילסודסקי מיט זיינע 52 פאָלקן האָט געזאָלט באַשיצן די פּוילישע רעוואָלוציע (אַזוי האָט צוגעזאָגט די פּפּ"ס). אין דער דאָזיקער צייט האָבן די צוריקגעקומענע אַרבעטער זיך נאָך שטאַרקער אָרגאַניזירט אין זייערע שוין לעגאַלע פּראָפפאַראיינען, וועלכע זענען געווען צוגעגרייט נאָך פון דער דייטשער אָקופּאַציע־צייט. אויך די צוריקגעקומענע לעדער־אַרבעטער, — אַ גרויסער טייל מיט שוואַרצע פּאַסן אויף איין אַרבל, — צייכנס פון קריגס־געפאַנגענע, — האַלב מיליטעריש אָנגעטון, זענען געקומען אין לעדער־פאַראיין. די פאַכן האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן, די אַרבעטער האָבן באַקומען די מעגלעכקייטן פון דער מאָראַטשעווסקי־רעגירונג צו פאָדערן ביי זייערע פריערדיקע בעל־הבתים אַרבעט אָדער אַנטשעדיקונג.

דער לעדער־פאַראיין איז געוואָרן אַן אַרבעטער־פעסטונג און די בעל־הבתים זענען געצוווּנגען געוואָרן צו געבן אַרבעט אָדער אַ טייל פון וואָכנלוין, ביז זיי וועלן עפענען די פאַבריקן. דאָס געלט איז דורכן פאַראיין פאַרטיילט געוואָרן, יעדער אַרבעטסלאָזער האָט באַקומען וואָכנלוין ביז ער האָט געפונען אַרבעט. די בעל־הבתים וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן די פאַראיינס־באַשלוסן זענען דורך די געגריוועטע שוסטערס געברענגט געוואָרן אין פאַראיין, ווו מ'האָט זיי פאַרהאַלטן אין אַ צוגעגרייטן אַרעסטצימער, ביז זייערע הערצער זענען ווייכער געוואָרן...

די מאָראַטשעווסקי־רעגירונג איז געפאַלן, פּילסודסקיס 52 פאָלקן האָט די פּפּ"ס איבערגעגעבן אין די הענט פון דער פּוילישער רעאַקציע, טענהנדיק אַז מען דאַרף צו ערשט זיין מיט לייטן גלייך... מען איז אַ יונגע מדינה, שפּעטער וועלן מיר איינפירן דעם סאָציאַליזם... די עקאָנאָמישע לאַגע האָט זיך צו ביסלעך געבעסערט און נאָרמאַליזירט. די לעדער־אינדוסטריע האָט טאַקע פאַרלוירן איר הויפּטמאַרק, — רוסלאַנד, — און מיט די באָלשעוויקעס האָט דאָס נייע פּוילן נישט געוואָלט האַנדלען, אָבער עס זענען צוגעקומען פרישע מערק. פּוילן איז געוואָרן גרעסער אין שטח און אין באַפעלקערונג. עס זענען צוגעקומען די פּוילישע געביטן וואָס זענען געווען באַהערשט פון די דייטשן און עסטרייכער, דאָס פּויזנער געביט און גאַליציע אָדער קליינפּוילן, עס זענען אויך צוגעקומען די אַזוי גערופענע קרעסן, טיילן פון ווייסרוסלאַנד, אוקראַינע און ליטע, פאַרכאַפּטע שוין דורכן פּוילישן מיליטער. דאָס נייע פּוילישע מיליטער האָט געמוזט באַשוכט ווערן, אַזוי אַז דאָס האָט אויך געהאָלפן פאַרבעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע אין דער לעדער־בראַנזשע.

די יידישע לעדער־אַרבעטער, מיט די געגריוועטע שוסטערס און קאַמאַשן־מאַכערס אין דער שפּיץ, האָבן דורך זייער פּראָפפאַראיין אויף נאָוואָליפּקע 7 אָנגעהויבן אַ גרויסע טעטיקייט. עס איז באַלד פונעם אָנהייב איינגעפירט געוואָרן די אַרבעטס־פאַרמיטלונג דורכן פאַראיין, די בעלי־הבתים האָבן זיך געמוזט ווענדן אין פאַראיין נאָך אַרבעטער, עס איז איינגעפירט געוואָרן אַן אַרבעטסלאָזע־ליסטע און עס זענען געשיקט געוואָרן אַרבעטער צו דער אַרבעט לויט דער ריי און לויט דער קוואַליפיקאַציע. אָן אַ באַשטעטיקונג פון פאַראיין איז קיין אַרבעטער נישט צוגעלאָזט געוואָרן אין קיין שום פאַבריק. דער פאַראיין האָט געהאַט דעם קאָנטראָל פון יעדער פאַבריק און פאַבריקל פון יעדן פאַך און פון אַלע אַרבעטער מיט זייערע אַרבעטספּלעצער. קיין שום אַרבעטער האָט נישט געקענט ווערן דורכן

בעל־הבית אָפּגעשטעלט פון דער אַרבעט אַן גענוגנדיקע מאָטיוון, באַשטעטיקטע דורך קוואַליפיצירטע אַרבעטער פון דער פאַך־קאָמיסיע פונעם געגעבענעם פאַך. דער פאַראיין האָט איינגעפירט אַ לוינבאַזע לויט דער קוואַליפיקאַציע און קאַטעגאָריעס אין יעדן פאַך באַזונדער, מיט אַ סיסטעמאַטישער כסדרדיקער חודשלעכער הוספה אין די אינפלאַציע־צײַטן. באַזונדערע אָפּמאַכן צווישן אַרבעטער און בעל־הבתים זענען נישט גילטיק געווען. אַזעלכע געהיימע אָפּמאַכן זענען שפּעטער, בײַם דערוויסן זיך, באַשטראָפט געוואָרן ביז נישט באַקומען קיין אַרבעט און נישט באַקומען קיין אַרבעטער.

צוזאַמען מיט דער פאַרשטאַרקונג פון דער נײַער און היימישער רעאַקציע, געשטיצט דורך דער פּפּ״ס מיט פּילסודסקיס 52 פּאָלקן פּויליש מיליטער, האָט זיך די ייִדישע רעאַקציע אויך באַמיט נישט צו זײַן הינטערשטעליק. זי האָט זיך דערמאָנט אין די גוטע צאַרישע צײַטן פון פאַר דער מלחמה. די בעל־הבתים האָבן אָנגעהויבן זייער ערשטע אַטאַקע מיטן אָפּוואַרפן די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען פון די געגריוועטע שוסטערס, ווּ דער הויפּטפּונקט איז געווען דאָס אָנערקענען דעם אַרבעטער־פאַראיין. זיי האָבן באַשלאָסן אויסצוהונגערן די אַרבעטער. דער ערשטער לעגאַלער שטרײַק האָט געדויערט 7 וואָכן. נאָך די ערשטע 4 וואָכן זײַנען זיי מסכים געווען אויף דער לוין־העכערונג, אָבער זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם הויפּטפּונקט — דאָס אָנערקענען דעם פאַראיין. פאַר דעם דאָזיקן פּונקט האָבן די געגריוועטע שוסטערס, און אויך די קאַמאַשן־מאַכערס וואָס האָבן זיך מיט זיי סאָלידאַריזירט, געשטרײַקט נאָך 3 וואָכן, ביז זיי זענען אַרויס מיט אַ זיג און דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אין אַלע אַנדערע אינדוסטריעס און פאַראיינען. דער לעדער־פאַראיין פון נאַוואָליפּקע 7 האָט באַקומען גרויס אָנזען, כמעט אַלע אַרבעטער האָבן געהערט צום פאַראיין, זיך אונטערגעוואָרפן זײַנע באַשלוסן און אין יאָר 1922 האָט דער לעדער־פאַראיין געציילט אַריבער 5 טויזנט מיטגלידער בלויז אין וואַרשע.



דער ערשטער צוזאַמענפאָר פון די ייִדישע לעדער־אַרבעטער אין פּוילן, פאָרגעקומען אין וואַרשע אין אָקטאָבער 1919.

עס טאָר נישט דורכגעלאָזט ווערן דער פאַקט וואָס אַחוץ דעם איינהייטלעכן שטאַרקן אָרגאַניזאַציאָנעלן כוח פון לעדער־פאַראיין האָט אויך אין אַ געוויסער מאָס געשפּילט אַ ראָלע דער פיזישער כוח פון די אַרבעטער אין אַ טייל פאַכן, ווי די געגריוועטע שוסטערס, וואַלקערס און באָסאַק־מאַכערס. וויפל די אָרגאַניזאַציע פונעם פאַראיין האָט זיך נישט באַמיט אָוועקצוּוואַרפן דעם מעטאָד וואָס איז געבליבן ווי אַן איבערבלײַבעניש פון די אומלעגאַלע צײַטן, איז געווען אוממעגלעך דעם כוח אָפּצוהאַלטן אין די נייטיקע לעצטע פאַלן. אָפּהיטנדיק דעם פאַראיין אַז עס זאָל אים גאָרנישט געשען — און נישט אינעם נאָמען פון פאַראיין — האָבן זיי רעאַגירט קעגן פאַרעקשנטע בעל־הבתים און קעגן שטרײַקברעכערײַ.

עס איז כאַראַקטעריסטיש אַ פאַל בעת בײַ געגריוועטע שוסטערס איז געברענגט געוואָרן אַ שטרײַקברעכער אין פאַראיין. דער פאַראיינס־סעקרעטאַר האָט דעם אַרבעטער אויפגעקלערט אַז זײַן האַנדלונג איז אַ שלעכטע, אַז ער ברענגט שאָדן אַלע אַרבעטער. צוזאַמען מיטן סעקרעטאַר האָט זיך געפונען איינער פון דער פאַך־קאָמיסיע אויף דיזשור, אַ געוויסער אשר דזשאָבאַק. ווען דער שטרײַקברעכער האָט ציניש געענטפערט דעם סעקרעטאַר, נישט קענענדיק אשר דזשאָבאַקן, האָט אשר דזשאָבאַק רעאַגירט און דעם שטרײַקברעכער מכבד געווען מיט אַ פּליאַסק אַז ער האָט שוין אַ פּאָר טעג נישט געקאָנט זײַן קיין שטרײַקברעכער און האָט שוין פאַרזאָגט אַנדערע צו זײַן שטרײַקברעכערס בײַ געגריוועטע שוסטערס. ווען דער סעקרעטאַר האָט אויפמערקזאַם געמאַכט דעם חבר אשר אַז נישט אַזוי האַנדלט מען קעגן אַן אַרבעטער, מען דאַרף אים געבן צו פאַרשטיין אַז ער האַנדלט שלעכט אַרבעטנדיק אַלס שטרײַקברעכער, האָט חבר אשר אַ פאַרשעמטער זיך פאַרענטפערט: „כ'האָב נישט געקאָנט הערן ווי ער רעדט שיין און ער האָט נישט פאַר אײַך קיין דרך־ארץ, כ'האָב נישט דערלאָזט אַז מ'זאָל צו מײַן סעקרעטאַר אַזוי רעדן״.

דער לעדער־פאַראיין איז געוואַקסן. עס האָבן נישט געהאָלפן אַלע באַמיִונגען און אַלע מיטלען פון די בעל־הבתים — אַפילו דאָס ברענגען אַרבעטער פון דער פּראָווינץ אָדער דאָס שיקן די אַרבעט פאַרטיק צו מאַכן אין דער פּראָווינץ. די פּראָווינציעלע לעדער־אַרבעטער זענען אויך באַווירקט געוואָרן פון וואַרשע, זיי האָבן מיט דער הילף פון וואַרשע געשאַפן פאַראיינען, ביז עס איז אין וואַרשע געגרינדעט געוואָרן אַ צענטראַלע פון אַלע ייִדישע לעדער־פאַראיינען אין גאַנץ פּוילן און דער ערשטער צוזאַמענפאָר איז טאַקע פאָרגעקומען אין דער הויפּטשטאָט אין אָקטאָבער 1919.

אויפן צוזאַמענפאָר זענען געווען פאַרטראָטן אַלע שטעט און שטעטלעך ווּ עס זענען נאָר געווען לעדער־אַרבעטער. עס זענען געווען פאַרטראָטן פאָרשטייערס פון אַלע ייִדישע און נישט־ייִדישע פּאַרטייען, געשיקט פון די ערטער ווּ יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ השפּעה אויף די לעדער־אַרבעטער. די גרעסטע השפּעה אין יענער

צײַט האָט געהאַט דער „בונד". זינט 1922 האָבן די ייִדישע קאָמוניסטן באַקומען די גרעסטע השפּעה. עס זענען אויך געווען פאַרטראָטן די לינקע פּועלי־ציון און די „פאַראייניקטע". וואַרשע איז געווען די צענטראַלע און זי האָט זיך געפונען אין דער גרעסטער וואַרשעווער אָפּטיילונג אויף נאָוואָליפּקע 7. אין דער ערשטער אָפּטיילונג זענען געווען טעטיק די געגריוועטע שוסטערס, קאַמאַשן־מאַכערס, וואַלקערס, באַסאַק־מאַכערס, אָפּצאַסן־מאַכערס. אין דער צווייטער אָפּטיילונג אויף פּאַוויע 38 זענען געווען טעטיק די פאַכן וואָס מען האָט זיי גערופן לעדער־גאַלאַנטעריע, ווי: בײַטל־מאַכערס, פּאַסקעס־מאַכערס, הענטשקע־מאַכערס, רימערס און וואַליזקע־מאַכערס. אין דער פּראָווינץ האָבן אין לויף פון אַ קורצער צײַט זיך אָרגאַניזירט איבער 100 אָפּטיילונגען. אין יאָר 1922 איז פאָרגעקומען די פאַראייניקונג מיט די פּוילישע לעדער־אַרבעטער און דאָס האָט אָנגעהאַלטן געציילטע יאָרן, ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צווישנפּאַרטייִשער קאַמף וואָס זײַנע רעזולטאַטן זענען געווען שפּאַלטונגען אַפילו אין דער פראָפ' באַוועגונג. עס זענען אויך געשאַפן געוואָרן צוויי באַזונדערע לעדער־פאַראיינען, אַ בונדישער אויף לעשנע 19 און אַ קאָמוניסטישער אויף סטאַווקע 41 וועלכער איז געווען פאַראייניקט מיט דעם פּוילישן פאַראיין פון זשיטניע־גאַס, ווו עס האָבן געהאַט אַ השפּעה די פּוילישע קאָמוניסטן.

עס איז נייטיק בײַם שרײַבן וועגן די ייִדישע לעדער־אַרבעטער אין וואַרשע, צו פאַרצײַכענען די נעמען פון פראָפ' טוער וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דעם אַזוי באַרימטן לעדער־פאַראיין. אַ טייל פון זיי איז אומגעקומען אינעם דריטן חורבן, אַ טייל האָט זיך געראַטעוועט און אַן אַנדער טייל איז צוליב פאַרשידענע סיבות אַוועק פון וואַרשע אַ לאַנגע צײַט פאַרן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. דער שרײַבער פון די זכרונות, ווי איינער וואָס האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל ביז ענדע 1923 אין דער באַוועגונג פון לעדער־פאַראיין אין וואַרשע, וועט זיך באַמיִען צו פאַרצייכענען די נעמען, און זאָלן אים מוחל זײַן די וואָס ער האָט נישט פאַרגעדענקט: חנינא קראָמאַרסקי (געפינט זיך אין נ' אַמעריקע), שעיה זעמבראָווסקי (נישט באַוווּסט וואָס עס איז מיט אים געשען), יחיאל ניימאַן (געשטאָרבן אין 1953 אין פּאַריז), הערשל ראַמעט (נישט באַוווּסט), אליהו קליינבוים (נישט באַוווּסט), יוסף ליפּשיץ באָסאַק, (נישט באַוווּסט) משה פּראַגער און מענדל פּראַגער (נישט באַוווּסט), בערל אַמבאַראַס (געפינט זיך אין נ' אַמעריקע). די אַלע זענען קאַמאַשן־מאַכערס. פון די געגריוועטע שוסטערס: משה דינער, דער קליינער יצחקל, מענדל בעזפּאַלעץ, אשר דזשאָבאַק. פון די וואַלקערס: משה־שעיה, הערש־מענדל א"א. איך קען די אַלע וואָס געפינען זיך אויפן בילד, די טוערס פון אַלע פאַכן, די פּראָווינצער חברים, אָבער איך קאָן זיך שוין נישט דערמאָנען זייערע נעמען. איך זע אויפן בילד אָנגעשפּאַרט אין פענצטער אונדזער טײַערן און זייער באַרימטן אין וואַרשע קלמן קאַמאַשנמאַכער. אין אַרגענטינע געפינען זיך אליעזר פוקס, איינער פון די אַקטיוויסטע אין דער פאַך־קאָמיסיע פון די געגריוועטע שוסטערס, מאיר געלבלונג, אליהו־משה פון די קאַמאַשן־מאַכערס און גדליה קאַליקשטיין.

דער קאַמף פון דער ייִדישער רעאַקציע קעגן די לעדער־אַרבעטער איז געווען אַ שטאַרקער, אָבער די ייִדישע לעדער־אַרבעטער האָבן די אַטאַקעס אָפּגעוואָרפן. די פריִערדיקע גוטע ברידער פון דער רעאַקציע, די אונטערוועלטניקעס, האָבן, נאָך די לעקציעס וואָס זיי האָבן באַקומען אַ מאָל, שטילערהייט געשטיצט די ייִדישע רעאַקציע, אָבער קיין כוח זענען זיי שוין נישט געווען.

עס איז אינטערעסאַנט אַן עפּיזאָד. אין 1919 האָט זיך געגרינדעט, דורך דער בונדישער איניציאַטיוו, אַ שוסטער־קאָאָפּעראַטיוו. נאָך אַ קורצער צײַט עקסיסטענץ איז ער באַגנבעט געוואָרן. עס איז דעם פאַראיין געמאָלדן געוואָרן וועגן דער גנבה אין די פרימאָרגן־שעהען, ווען די אַרבעטער זענען אין פאַבריק. נאָך אַ קורצן טעלעפאָנישן שמועס מיט אַ טייל פון די געגריוועטע שוסטערס פון דער פאַך־קאָמיסיע איז געשיקט געוואָרן אין די גנבישע „מעלינעס" איינער פון די איבערגעגעבנסטע אַרבעטער־טוערס, אַזעלכער וואָס די אונטערוועלטניקעס האָבן געוווּסט אַז מיט אליעזר פוקסן שפּילט מען זיך נישט... (דער חבר אליעזר פוקס געפינט זיך אין בוענאָס־איירעס און איז אַ מיטגליד אין וואַרשעווער פאַראיין) אליעזר האָט אויסגעזוכט אויף קראָכמאַלנע־געסל דעם עלטסטן „פּאַסער" (ווו עס פאַלן אַרײַן די געגנבטע סחורות) און אים געגעבן אַן אולטימאַטום, אַז אויב אין פאַרלויף פון 24 שעה עס וועט נישט זײַן די סחורה צוריק אין קאָאָפּעראַטיוו, זאָלן זיי זיך ריכטן אויף אַ באַזוך פון אַלע געגריוועטע שוסטערס אויף קראָכמאַלנע־געסל. כאָטש דער „פּאַסער" האָט פאַרזיכערט אַז ער ווייסט פון גאָרנישט, אַז עס ליגט נישט אין זײַן רשות, איז די גנבה צוריקגעברענגט געוואָרן פאַר די 24 שעה.

עס איז אוממעגלעך אין איין אַרטיקל אַרומצונעמען אַלץ וואָס עס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט די ייִדישע לעדער־אַרבעטער אין וואַרשע אינעם פּעריאָד פון פאַרן 5טן יאָר ביז דעם אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. עס איז בלויז אין קורצע שטריכן פאַרצייכנט געוואָרן אַ טייל זכרונות. אַ מגפה האָט פאַרצוקט די אַלע מענטשן וואָס האָבן אַזוי הייליק געקעמפט פאַר אַ סאָציאַליסטיש פּוילן וואָס ווערט הײַנט פאַרווירקלעכט. וואָסער גרויסער צושטײַער וואָלטן די ייִדישע לעדער־אַרבעטער געווען פאַרן הײַנטיקן פּוילן, ווי גליקלעך וואָלטן זיי געווען צו זען פאַרווירקלעכט דאָס פאַר וואָס זיי האָבן אַזוי איבערגעגעבן געקעמפט. ווו זענט איר ייִדישע לעדער־אַרבעטער פון וואַרשע? ווו זענט איר וואַרשעווער געגריוועטע שוסטערס?

שלמה יעדלינא (בוענאָס־איירעס)

יונגנטלעכע קאַמפסיאָרן

בײַם שרײַבן די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין וואַרשע וועט אָן שום ספק אַ וויכטיק אָרט פאַרנעמען יענע צײַט, ווען די פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג איז געוואָרן לעגאַל. געווען איז עס אינעם טאָג ווען די דײַטשע אַרמייען האָבן פאַרנומען וואַרשע, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, סוף 1915.

די ייִדישע אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט בײַ די לעדער, נאָדל, טעקסטיל און מעטאַל־פאַכן און האָבן פריִער אָנגעהאַלטן זייערע פאַרזאַמלונגען און זיצונגען אויף די בערזעס, בוידעמס אָדער אין קעלערשטיבלעך, האָבן מיט אַ מאָל זיך דערפילט ווי נײַ געבוירן. זיי האָבן מער נישט געדאַרפט זיך היטן פאַרן אויג פון פאָליציאַנט און שפיצל.

צווישן די ייִדישע פראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פאַראיינען האָט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע געשפילט דער טעקסטיל־פאַראיין פון קאַרמעליצקע 15. אַ דאַנק ספעציעלע נאָך־מלחמה־באַדינגונגען האָט אין שטריקערײַ־פאַך אָנגעהויבן צוצושטראָמען אַ ביז דעמאָלט נײַער מענטשן־עלעמענט, די אַזוי גערופענע „זײַדענע יונגע־לײַטלעך" וואָס פלעגן צוצאָלן גרעסערע געלטסומעס — אין דאָלאַרן — פאַרן אויסלערנען דאָס פאַך. עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער נאָך־מלחמה־צײַט דאָס אויפקומען פון פאַרשידענע מינים ספעקולאַציע־געשעפטן. אין שטריקערפאַך זענען געווען אַלטע אַרבעטער וואָס האָבן געמאַכט אַלס זייערס אַ ספעקולאַציע־געשעפט דאָס אויסלערנען שטריקערײַ, און דערפאַר זענען זיי געקרוינט געוואָרן מיט ספעציעלע צונעמענישן, ווי צב"ש „מאיר הונדערטער", מחמת ער פלעגט נעמען הונדערט דאָלאַר לערנגעלט. אין אַזאַ אַנאָרמאַלער לאַגע אינעם פאַך איז דער יוגנטלעכער באַהאַנדלט געוואָרן ווי אַן איבעריקער באַלאַסט הן מצד די בעלי־בתים און הן מצד טייל אַרבעטער.

עס דערמאָנט זיך מיר: אין אַ שבתדיקן פרימאָרגן זענען מיר זיך צונויפגעקומען, אַ דרײַסיק יוגנטלעכע טעקסטילער, אויף קאַרמעליצקע 15, אינעם צימער אין וועלכן מיר האָבן שפעטער געגרינדעט די ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון אַוורעמל שטריקער. אויף יענער פאַרזאַמלונג איז געשאַפן געוואָרן די יוגנט־סעקציע בײַם טעקסטיל־פאַראיין, מיטן חבר שימעלע נאָרענבערג אַלס פאָרזיצער.

די אַרבעט פון דער יוגנט־סעקציע איז באַשטאַנען קודם כל אין אויסקעמפן בעסערע מאַטעריעלע באַדינגונגען פאַר דער יוגנט אין די פאַבריקן, אין זאָרגן אַז די יוגנטלעכע זאָלן מצד די בעלי־בתים באַקומען אַ בעסערע באַהאַנדלונג, אַז זיי זאָלן נישט באַנוצט ווערן צו הויזאַרבעט, אין אויפקלערן די עלטערע אַרבעטער אַז דער יוגנטלעכער איז זייער ייִנגערער חבר און מיטקעמפער. די פאַרוואַלטונג פון דער יוגנט־סעקציע האָט צווישן די יוגנטלעכע געפירט אַ סיסטעמאַטישע אויפקלער־אַרבעט וועגן דער סאָציאַלער אומגלײַכקייט אין דער הײַנטיקער געזעלשאַפט. זי האָט געשאַפן זעלבסטבילדונגס־קרײַזן וואָס האָבן זיך פאַרמערט פון וואָך צו וואָך.

צו יענער צײַט זענען דאָס רוב ייִדישע אַרבעטער געווען אונטער דער השפעה פונעם „בונד", און די יוגנט — פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט".

איך בין דעמאָלט געווען פאָרשטייער פונעם קרײַז „טערמאַן". פרום בין איך נאָך געווען און האָב ניט געשריבן אום שבת. האָט די חברטע גיטעלע ראַפאָפּאָרט (אַ העפטערין), צו יענער צײַט שוין אַ מיטגליד אין וואַרשעווער קאָמיטעט פון „צוקונפט", מיט אויסערגעוויינטלעכן טאַקט יעדן שבת פאַר מיר דורכגעפירט די מיטגלידער־רעגיסטראַציע פונעם קרײַז און אײַנגעמאָנט מיטגלידס־אָפצאָל. מיט איר סיסטעמאַטישער און מיזאַמער אַרבעט האָט זי מיך און אויך אַנדערע איבערצײַגט צו ווערן דאָס וואָס מיר זענען געוואָרן.

די יוגנטקרײַזן פון אַלע פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זענען דורך זייערע אויסגעוויילטע פאָרשטייערס פאַרבונדן געווען צווישן זיך אינעם וואַרשעווער מאָסשטאַב דורכן סעקרעטאַר פונעם וואַרשעווער קאָמיטעט בײַ דער „צוקונפט", דעם סטודענט קאַפלאַן, וועלכער האָט שפעטער אונטערן נאָמען שוואַרצמאַן געשפילט אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָלע אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג.

ס'דערמאָנען זיך מיר פון יענער צײַט די שבתדיקע פרימאָרגנס, די מיטינגען וואָס די „צוקונפט" האָט דורך דער פאַרמיטלונג פון די יוגנט־סעקציעס אײַנגעאָרדנט אין באַרימטן קינאָ „פאָרום", אויף נאָוויניאַרסקע 14, אויפן ערשטן שטאָק, וווּ ס'זענען באַהאַנדלט געוואָרן נישט נאָר קולטור־פראָבלעמען, נאָר דער עיקר פאָליטישע צײַטפראַגעס. אויף יענע מיטינגען און פאַרזאַמלונגען זענען געקומען צום וואָרט נישט בלויז די אָפיציעלע רעפערענטן פון דער „צוקונפט", נאָר אויך אָפאָנענטן פון דער אומלעגאַלער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־פאַרטיי, וועלכע פלעגן אַרויסטרעטן אונטערן נאָמען „פאָרשטייערס פון דער מאַרקסיסטישער פראַקציע".

אַ נישט־פאַרגעסלעכע עפאָכע אינעם לעבן פון דער דעמאָלטיקער יוגנט איז געווען די דיסקוסיע־צײַט אַרום די 21 אויפנעם־באַדינגונגען פונעם 3טן אינטערנאַציאָנאַל. דאָס איז געווען די צײַט פון דעם אויספורעמען זיך פון לינקע פראַקציעס אין די יוגנט־סעקציעס. ס'איז נאָך פריש אין מײַן זכרון דער אָוונט ווען מיר זענען אין געהיים זיך צונויפגעקומען אינעם לעדער־פאַראיין, נאָוואָליפקע 7, און פאָרשטייערס פון אַלע לינקע גרופעס בײַ די יוגנט־קרײַזן זענען ווי פאַרשווערערס בײַ נאַכט אַרײַן אין לאָקאַל. ווען אַלע זענען שוין געווען אינעווייניק האָבן מיר פאַרשלאָסן די טיר און אין דער פינצטער אָפגעהאַלטן אונדזער ערשטן געהיימען צוזאַמענטרעף. נאָכן אַרויסזאָגן זיך פון די פאָרשטייערס פון אַלע קעמערלעך איז געוואָרן באַשלאָסן צו גרינדן די „קאָמצוקונפט"־פראַקציע אינערהאַלב דער „צוקונפט" און גלײַכצײַטיק מעלדן דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אַז אונדזערע אָפיציעלע פאָרשטייערס זענען גיטעלע ראַפאַפּאָרט (הײַנט אין פוילן, פאַרוואַלטערין פון דער פאַרטיי־ביבליאָטעק), מענדל סקראָבעק און דער שוין פריִער דערמאָנטער סטודענט קאַפלאַן.

די אָנפירונג פון דער „צוקונפט", באַקומענדיק די מיטטיילונג וועגן דער קאָנסטיטויִרונג פון אונדזער פראַקציע, האָט אויפגעפאָדערט אולטימאַטיוו אונדזערע פאָרשטייערס, זיי זאָלן גלײַך אויפלייזן די פראַקציע, און האָט זיי געדראָט, אין קעגנפאַל, מיט אויסשליסן פון דער פאַרטיי. אונדזערע פאָרשטייערס האָבן אַפעלירט צו דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער באַוועגונג, און געפאָדערט

צו פאַררופן אַן אויסעראָרדנטלעכן קאָנגרעס. מורא האָבנדיק פאַר די רעזולטאַטן פון אַזאַ קאָנגרעס האָבן די „דעמאָקראַטישע" פירערס פון דער „צוקונפט" אויסגעשלאָסן אונדזערע פאָרשטייערס פונעם וואַרשעווער קאָמיטעט. דער דאָזיקער באַשלוס האָט געווירקט ווי אַן אויפרײַס. עס זענען זיך באַלד צונויפגעקומען די קעמערלעך, און נאָך היציקע דעבאַטעס איז באַשלאָסן געוואָרן אָפּצוּוואַרפן דעם באַשלוס פונעם צ"ק און פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „צוקונפט" און רופן אַלע מיטגלידער פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע אויף אַ פאַרזאַמלונג אין לעדער־פאַראיין כדי אויסצוּווײַלן אַ נײַע אָנפירונג פון דער אָרגאַניזאַציע.

איך ווייס נישט ווי אַנדערע, אָבער איך האָב ביז דעמאָלט קיין מאָל נישט געזען אַזוי ליכטיק דעם לעדער־פאַראיין, קיין מאָל ביז דעמאָלט נישט געזען אַזעלכע שײַנענדיקע פּנימער ווי אויף יענער פאַרזאַמלונג. טראָץ דעם וואָס דער חבר קאַפּלאַן איז געזעסן אויף דער טריבונע אײַנגעוויקלט אין זײַן ווינטער־מאַנטל, מיט אַ טרויעריקן פּנים, טראָץ דעם וואָס דער חבר אַבראַשע האָט געוויינט בײַם אויפפאָדערן אַלע טרײַע „צוקונפטיסטן" צו פאַרלאָזן די פאַרזאַמלונג, איז די דאָזיקע פאַרזאַמלונג פאַר 95 פּראָצענט פון די בײַזײַענדיקע געווען אַ מאָמענט פון העכסטער דערהייבונג, און ווען עס האָט באַקומען דאָס וואָרט צו באַגריסן אונדזער פאָרשטייער פון לאָמזשע, דער סטודענט ליבערט מוזשינסקי, זענען די אַקלאַמאַציעס געווען אין לשער.

דעם אָוונט איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן די „קאָמצוקונפט", וועלכע האָט נאָך צוויי יאָר עקסיסטענץ און צוזאַמענאַרבעט מיטן קאָמיוג, זיך פאַראייניקט מיט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט.

דער שטײַגנדיקער קריזיס אינעם דעמאָלטיקן פּוילן האָט צום שטאַרקסטן געדריקט די אַרבעטער־יוגנט, בפרט די ייִדישע. בײַ אַזאַ לאַגע האָבן די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען פאַרכאַפּט די ייִדישע יוגנט און די אַרבעטנדיקע פּאָרגעשריטענע אינטעליגענץ, וואָס האָבן נישט געוואָלט אַקצעפּטירן גרינבוימס באַרימטן זאָג אינעם פּוילישן סיים אַז „אין פּוילן איז פאַראַן אַ מיליאָן איבעריקע ייִדן". די „איבעריקע" האָבן זיך אַרײַנגעוואָרפן אין קאַמף מיט דעם גאַנצן מסירת נפש, מיטן גאַנצן פײַער פון זייערע יונגע נשמות, קעגן אַנטיסעמיטיזם און מלחמה, פאַר ברויט און פרײַהייט. אין דעם שווערן און פאַרביטערטן קאַמף, פול מיט קרבנות, האָט די ייִדישע יוגנט, ווי אַ טייל פון דער גאַנצער יוגנט פון לאַנד, געשפּילט אַ ביז גאָר וויכטיקע ראָלע און איז אַלע מאָל געשטאַנען אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס.

מיר האָבן זיך אַ לענגערע צײַט פאַרזאַמלט אויפן הויף פון קאַרמעליצקע 15. דער פאַראיין איז געווען אָנגעוואָרפן מיט קאַלך, קרײַד און פאַרב. בלויז איין צימערל וואָס דאָס פענצטער זײַנס איז אַרויסגעגאַנגען אויפן צווייטן הויף, איז געבליבן אומבאַרירט פון די מולאַרעס. דאָרט איז געווען דער סעקרעטאַריאַט, וווּ עס האָבן אַמטירט דער חבר מענדל סקראָבעק און זײַן געהילף שלמהלע דימאַנט. טראָץ דעם קוועלן זיך צוליבן נישט קאָנען זײַן אין די פאַראײנס־לאָקאַלן, האָט עס דאָך אונדז פאַרשאַפן פרייד. מ'האָט אויסגעפּוצט אונדזער פאַראיין, יעדע וואַנט האָט באַקומען אַן אַנדער קאָליר. מ'האָט אַרײַנגעלייגט אַ וועלט מיט אַרבעט, געלט, אײַנפאַל און אָנשטרענגונג, מ'האָט געוואָלט אַז דער צוזאַמענקום־פּלאַץ פון די ייִדישע טעקסטילער זאָל זײַן וואָס שענער און אָנגענעמער. און אַזוי וואָלט עס מן הסתם געווען. אָבער עס דערמאָנט זיך מיר אַז ווי נאָר מיר האָבן באַנײַט דעם פאַראײנס־לאָקאַל און נישט באַוויזן רעכט מיט אים זיך אָנצופרייען, האָט מען אונדז דעם לאָקאַל פאַרמאַכט.

עס איז געווען אַ שבת אין דער פרי, 9 אַ זייגער. מײַן קרײַז „טערמאַן" איז געווען פאַרזאַמלט אין פאַראיין. און אָט הערט זיך אַ שרעקלעכער אויפרײַס וועלכער האָט געמאַכט ציטערן די פענצטערשויבן אין דער געגנט. אויף סטאַווקע, וווּ איך האָב געוווינט, זענען די שויבן אַרויסגעפאַלן פון די פענצטער. דאָס איז געווען אַן אויפרייס אין וואַרשעווער ציטאַדעל, אין וואָס די רעאַקציע האָט באַשולדיקט די צוויי רעוואָלוציאָנער געשטימטע אָפיצירן באַגינסקי און וווּיטשערקאָוויטש. אין דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק זענען

אַלע לינקע אַרבעטער־אינסטיטוציעס געוואָרן איבערגעפאַלן און פאַרחתמט. ווי שוין דערמאָנט, האָט דער טעקסטיל־פאַראיין פאַרמאָגט אַ רײַכע ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון אַווראַמל שטריקער, און די אָנפירנדיקע חברים זענען געווען אַנטשלאָסן אָפּצוראַטעווען דעם דאָזיקן קולטור־אוצר, און זיי האָבן אים טאַקע געראַטעוועט.

עס זענען מאָביליזירט געוואָרן אַ גרעסערע גרופּע יוגנטלעכע. ראשית האָבן מיר אונטערגעקויפט דעם סטרוזש, אַז ער זאָל „גאָרנישט זען", נאָך דעם האָט איין חבר אַרונטערגעריסן די חתימה פון דער טיר פון סעקרעטאַריאַט און איז אַרײַן אין פאַראיין, אַרבעטנדיק אין דער פינצטער. כדי נישט צו דערוועקן קיין חשד האָט ער קודם כל אַרויסגענומען די מיטגלידסביכער מיט אַלע סטעמפּלען, און נאָך דעם אין אַ זאַק אָנגעשאָטן די ביכער. באַקומענדיק דעם אָפּגערעדטן צייכן, זענען מיר צו צו דער טיר, האָבן געגעבן די באַשטימטע צאָל קלעפּ ווי אַ סימן, איבערגענומען דעם זאַק מיט ביכער און איבערגעלאָזט אַ ליידיקן זאַק, און גלײַך פאַרשוווּנדן מיט דער סחורה אויפן באַשטימטן פּלאַץ. אַזוי איינער נאָכן צווייטן. אַזעלכע מאַרשרוטן האָבן מיר געמאַכט אין יענעם אָוונט אַ סך. דאָס „שטיקל אַרבעט" איז אָרגאַניזירט און דורכגעפירט געוואָרן דורך די חברים אַברהם ראָזנפעלד און יאַנקל גאָלדשטיין (געשטאָרבן אין בוענאָס־אײַרעס אין דעצעמבער 1953), סעקרעטאַר און ביבליאָטעקאַר פון דער ביבליאָטעק. מיט די אָפּגעראַטעוועטע ביכער איז אַ ביסל שפּעטער געגרינדעט געוואָרן דער פאַרלאַג און ביבליאָטעק „דאָס לעבן", וווּ טויזנטער אַרבעטער זענען געווען מיטגלידער און לייענער.

וואַרשע איז געווען צעטיילט אין ראַיאָנען: וואָליע, פּאָוואָנזעק, אָכאָטע, פּזשעדווישלע און אַנדערע. אָבער ווער האָט נישט געהערט פון „מורדזשעל"? דער דאָזיקער נאָמען איז געווען אַ דערווײַז פון קעמפער, אַ צײַגעניש פון רעוו' אַקטיוויטעט, ווײַל מען האָט נישט געקענט געהערן צום „מורדזשעל" און זײַן פּאַסיוו.

אין אַלע אַקציעס וואָס דער קאָמיוג האָט דורכגעפירט איז „מורדזשעל" שטענדיק געווען דער ערשטער און אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. און מורדזשעל איז נישט געווען קיין סעקטע פאַרשווערערס, מורדזשעל האָט געהאַט זיין מאַסן־באַזע אין די פּראָפ'־פאַראײנען, מורדזשעל האָט געהאַט הונדערטער יוגנטלעכע, וועלכע האָבן געהערט צום „מאָפּר" (די אָרגאַניזאַציע וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט שטיצן די פּאָליט' אַרעסטירטע) מורדזשעל האָט געהאַט הונדערטער פּיאָנערן, צוקונפטיקע קאָמיוגיסטן. מורדזשעל האָט אָנגעפירט מיט דער יוגנט וואָס האָט געהערט צו די רויטע יוגנט־פראַקציעס בײַ אירע פאַראײנען. די דאָזיקע גרויסע מאַסע פון יוגנט איז געווען ביז גאָר אָרגאַניזירט און דיסציפּלינירט. יעדער באַשלוס פון דער באַוועגונג איז געווען גלײַך ווי אַ געזעץ. עס האָבן זיך דעריבער געזאַמלט אַרום אָט דער באַוועגונג די מוטיקסטע, די סאַמע ענטוזיאַסטישע, די דעצידירטסטע, די איבערגעגעבנסטע. די כאַראַקטערלאָזע און שוואַכע זענען בײַ די ערשטע שוועריקייטן און געפאַרן אַוועקגעפאַלן, און האָבן, צום באַדויערן, אין געוויסע פאַלן פאַרראַטן.

אַז עס איז געקומען אַן ערשטער מײַ אין וואַרשע, אַן אינטערנאַציאָנאַלער יוגנטטאָג, די יאָרצײַטן פון די דרײַ למדן (לעניִן, ליבקנעכט, לוקסעמבורג), דער אינטערנאַציאָנאַלער פרויענטאָג אָדער גאָר אַרבעטסלאָזע־מאַניפעסטאַציעס (יאָרן 1925—1926), זענען די דאָזיקע אַקציעס אין קאָמיוג באַגלייט געוואָרן מיט אַ ריזיקן קאַמפּיין פון הענגען פענער אויף די טראַמוויידראָטן אָדער אויף די טעלעפאָנישע דראָטן פון די דעכער. אַ גאַנצער שטאַב יאַטן האָט געאַרבעט אין די אומלעגאַלע דירות בײַם צוגרייטן די פענער, די זשאַבקעס, די שטריק. מען האָט זיך געאיבט אין פאַרוואַרפן פענער. און עס איז געווען אַ נאָרמאַלע דערשײַנונג אַז ווען אַ חבר האָט אונדז פאַרלאָזט בײַ דער אַרבעט — ער איז אַוועק פאַרוואַרפן אַ פאָן — האָבן מיר אים נישט געזען מער ביזן פּראָצעס. אַזוי איז געשען מיט דוויד זאַכאַריאַש (אומגעקומען אין ביאַליסטאָק אין קאַמף קעגן די נאַציס אין 1941).

דאָס קלעפּן בלעטלעך אָדער דאָס שאַבלאָנירן די ווענט מיט אומלעגאַלע לאָזונגען איז געווען אַ נאַכט־נאַכטיקע אַרבעט, און נאָר

די וועלכע האָבן זיך אין איר באַטייליקט האָבן אַ באַגריף מיט וואָס פאַר אַ געפאַרן דאָס איז געווען פאַרבונדן, ווײַל אויף יעדן טריט און שריט האָט געלויערט דאָס וואַכזאַמע אויג פון אַ גאַנצער כאָפּטע שפּיצלעס, קאָנפידענטן און אָפיציעלער פּאָליציי, וועלכע האָבן נישט נאָר אַרעסטירט נײַערט אויך געשאָסן אויף די וועלכע האָבן דורכגעפירט די דאָזיקע אַרבעטן. אַזוי איז אין 1928 דערשאָסן געוואָרן אויף דער אָסטראָווסקע־גאַס דער יוגנטלעכער מורדזשעלאָוויעץ, דער שנײַדער טורעק, ווען ער האָט שאַבלאָנירט בעת אַן אַקציע.

ווי געזאָגט, איז אָט די אַרבעט געווען פאַרבונדן מיט אַ סך שוועריקייטן און געפאַרן. דאָך אונטער קיין שום אומשטענדן איז די אַרבעט בײַ אונדז אין וואַרשע נישט געוואָרן איבערגעריסן.

עס דערמאָנט זיך מיר: עס איז געווען עטלעכע טעג פאַרן ערשטן מײַ. די בערזע אונדזערע האָט זיך דעמאָלט געצויגן דורך רזשיקע (שפּעטערדיקע זאַמענהאָף), נאָוואָליפּקע, פּשעיאַזד און לעשנע, ביז קאַרמעליצקע. מיר זענען געווען געוווינט, נאָך דעם ווי מיר זענען געוואָרן פרײַ פון די זיצונגען, אײדער מיר זענען אַהיימגעגאַנגען שלאָפן, זיך דורכצוגיין איבער דער בערזע, זיך כאָטש באַגריסן מיט אונדזערע נאָענטסטע, וואָס ווער ווייסט צי מיר וועלן זיי נאָך ווען עס איז זען. — איז אָט שפּאַציר איך אויף דער דזשיקע, כמעט בײַ דער נאָוואָליפּקע, ווו עס איז געשטאַנען דער פּאַפּיראָסן־פאַרקויפער, און פּלוצעם — ווי מען וואָלט מיך אָפּגעגאָסן מיט אַ קאַלטן טוש: פּאָליציי פירט אַ גרעסערע גרופּע יוגנטלעכע מיט די קעסעלעך קליי און מיט די פּענדזלען. אין שפּיץ פון דער גרופּע גייט מײַנער אַ חבר, אַ שטריקער־אַרבעטער מעכל אַלבאָסטער (געפינט זיך הײַנט אין פּוילן), און נאָך אים פירט מען אַ גרעסערע גרופּע יוגנטלעכע ייִדישע און פּוילישע חברים. איך קען זיי אַלעמען... דאָס האָט מען אַראָפּגענומען דעם גאַנצן פּאָדפּונקט פון וואָליע־פּאָוואָנזעק...

צו מאָרגנס 6 פרי איז בײַ מיר געווען דער סעקרעטאַר פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע, דער ווײַסער יאַנעק (אַדאַם שוואַרצפוקס), און האָט מיר געמאָלדן אַז איך מוז איבערנעמען די טעכניק אין דער דזשעלניצע, און אַז די מײַ־אַקציע טאָר נישט לײַדן. און די אַקציע האָט טאַקע נישט געליטן.

ווען איך לייען וועגן דעם העראָישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און איך באַקען זיך מיט די אַקטן און מאַטעריאַלן, טרעף איך זיך כסדר אָן אויף נעמען פון נאָענטע חברים, פון פיל באַקאַנטע פרײַנד, פון אַקטיווע טוערס, מיט וועלכע איך האָב זיך באַגעגנט אין דער הייליקער אַרבעט.

אָט שײַנט פאַר מיר אויף די אידעאַלע געשטאַלט פון מיכאַל ראָזנפעלד, פּסעוודאָנים ראַוויטש, אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער, אַ פּראָלעטאַרישער אינטעליגענט. מיר האָבן אַ צײַט געאַרבעט צוזאַמען בײַ ייִדישער אַרבעט. עס קומט פאַר די ערשטע וואַרשעווער קאָנפערענץ פון קאָמיוג אין הויז פון אַדאַמען פון טעקסטיל אויף דער גענשע, קעגן דער מיליטערישער תפיסה. ראַוויטש איז פון מורדזשעל און פון דער ייִדביוראָ, איך בין געקומען פון וואָליע־פּאָוואָנזעק. אָבער מען דאַרף דאָ ספּעציעל דערמאָנען די אָנוועזנ־

הייט פון היבנערן, קניִעווסקין און רוטקאָווסקין, וועלכע איך האָב געזען צום ערשטן און צום לעצטן מאָל אויף אָט דער קאָנפערענץ, ווײַל עטלעכע וואָכן שפּעטער זענען זיי דורכגעפאַלן בײַם אויספירן דעם נישט־געלונגענעם אַטענטאַט קעגן פּראָוואָקאַטאָר צעכנאָווסקי, בעת וועלכן זיי האָבן אין זעלבסטפאַרטיידיקונג געהאַט אַ דראַמאַטישע איבערשיסונג מיט דער פּאָליציי. שפּעטער האָט זיי אַ פּויליש שטאַנדגעריכט פאַראורטיילט און זיי זענען דערשאָסן געוואָרן מיטן לעצטן אויסגעשריי „זאָל לעבן די קפּ״פּ און דער זמ״ק". כ'וויל דאָ אויך דערמאָנען וועגן אַ צווייטן, וואָס האָט געצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. ער איז געקומען אויף דער קאָנפערענץ אַ סך שפּעטער, אין דעם אוניפאָרם פון אַ מאַטראָס, זײַן פּסעוודאָ איז געווען שאַטאַן. דעמאָלט איז ער נאָך געווען אַ ערלעכער מענטש — אַלע האָבן זיך געפרייט מיט אים —, אַ פאָרשטייער פון דער אַרמיי. אָבער דער דאָזיקער „שאַטאַן" איז שפּעטער געוואָרן אַ פּראָוואָקאַטאָר, ער האָט פאַרשיט די ווויסקוּווקע, „די מיליטער־אָפּטיילונג בײַ דער יוגנט", ער האָט פאַרשיט אַן אויספלוג פון דעם פאָלקס־אוניווערסיטעט, און זײַן נאָענטסטער חבר וואָזשניאַק האָט אים דעמאָלט דערלאַנגט קלעפּ גלײַך אין קאָמיסאַריאַט און האָט שפּעטער אָרגאַניזירט אַ גרופּע, ווו עס זענען אויך געווען די חברים מיעטעק, אַבראַמעק און אַנדערע, זיי זאָלן אים ליקווידירן.

אויף אָט דער קאָנפערענץ איז צו מיר צוגעקומען דער ח' מיכאַל און מיך געבעטן, איך זאָל רעדן ייִדיש. אויף מײַן פראַגע פאַר וואָס ער רעדט נישט קיין ייִדיש ווי אַ פאָרשטייער פון דער ייִדישער ביוראָ, האָט ער מיר באַמערקט: אַלע ווייסן אַז איך קען גוט פּויליש. דו, דערקעגן, מוזט רעדן ייִדיש, כדי די פּוילישע חברים זאָלן זען אַז מיר זענען ייִדן. און איך — האָט ער צוגעגעבן — וועל דיך איבערזעצן אין פּויליש.

און אַזוי איז טאַקע געווען.

וויפל זאַכן וואָלט איך געקענט דערמאָנען וועגן די חברים פון אָט יענער שטורמישער צײַט. עס ווערט גערעדט וועגן „פּאַוועל" (ברוסקין) געפאַלן ווי אַ קאָמענדאַנט אָנפירנדיק מיט זײַן קאָמפּסגרופּע אויף מיאָדאָווע 14. איז דאָס נישט אַ מאָל פּאַוועל פון מעטאַל, וועלכער האָט אין 1927 מיט מיר געאַרבעט אין „מורדזשעל" און אַ צײַט מיך באַגלייט מיט אַ גרופּע, שיצנדיק מיך בעת איך בין אַרויסגעטראָטן ווי אַן אָפּאָנענט אויף קעגנערישע מיטינגען?

ווער ווייסט? נישט געווען קיין נעמען אין דער באַוועגונג, נאָר פּסעוודאָנימען, און אויך די פּסעוודאָנימען זענען נישט געווען קיין שטענדיקע. און אויב מיר געדענקען געוויסע חברים בײַ די נעמען, איז עס בלויז מחמת מיר קענען זיי נאָך פון דער „צוקונפט" אָדער פון דעם זעלבן פאַראיין, אָדער ווײַל זיי זענען געווען גאָר נאָענטע חברים. איין זאַך איז זיכער: אַז אונטער דער אָנפירונג און מיט דעם פּערזענלעכן בײַשפּיל פון אַזעלכע קעמפער ווי דער „ווײַסער יאַנעק", מיכאַל ראָזנפעלד, נאַטקעלע פון מורדזשעל, פּאַוועל פון מעטאַל, און צענדליקער אַנדערע, האָבן די ייִדן אין געטאָ באַקומען מוט און גלויבן אין קאַמף קעגן דער נאַצי־בעסטיע.

זאָלן די דאָזיקע שורות פראַגמענטן פון אַ גרויסער און שטורמישער עפּאָכע, אין וועלכער עס האָבן געקעמפט און עס זענען געפאַלן טויזנטער פון פּוילנס בעסטע זין, זײַן אַ בײַטראָג פאַר דער פאַראייביקונג פון זייערע נעמען לדור דורות.

ל. פאַרבער — (בראַזיל)

דער כעמישער פאַראיין פון ניזקע 59 אין וואַרשע

אין דער ייִדישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין וואַרשע האָט פאַרנומען אַ געוויסן פּלאַץ דער פּראָפּ׳ פאַראיין פון כעמישע אַרבעטער אויף ניזקע 59, כאָטש ער האָט נישט געהערט צו די עלטסטע און נישט צו די שטאַרקסטע ייִדישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

להיפּך צו די פאַראיינען פון לעדער, האָלץ, מעטאַל און נאָדל־אַרבעטער האָט דער כעמישער פאַראיין נישט געהאַט אין זײַן באַשטאַנד קיין איינעם פון די טראַדיציאָנעלע דורותדיקע ייִדישע פאַכן, און אין זײַנע סעקציעס זענען געוואָרן אָרגאַניזירט אַרבעטער פון אונטערנעמונגען, וואָס זענען מערסטן טייל געווען אַ פּראָדוקט פון נײַ איינגעפירטע אינדוסטריע־צווײַגן. זיינע עטלעכע הונדערט מיטגלידער זענען דאָס רוב באַשטאַנען פון אַ יונגן פרויען עלעמענט, אָפט מאָל טעכטער פון קליינבירגער. עלטערן, וואָס די וואַקסנדיקע פאָדערונגען פון דער צײַט מיט אירע אַלץ גרעסערע אויסגאַבעס אויף קליידונג, שיך־ און פאַרווייליונג האָבן זיי געצוווּנגען שיקן די קינדער צו אַרבעטן אין פאַבריק. פיל מאָל זענען די פאַרדינסטן פון די יונגע מיידלעך געווען אַ שטיצע אין בודזשעט פון אַן אָרעמער, ווייניק־פאַרדינענדיקער אַרבעטער־פאַמיליע.

טראָץ דעם נאָמען פון פאַריין וועלכער האָט זיך גערופן פּראָפּ״ פאַראיין פון כעמישע אַרבעטער, האָבן זײַנע סעקציעס געהאַט ווייניק וואָס צו טאָן מיט כעמיע.

דער כעמישער פאַראיין איז אַנטשטאַנען אין יאָר 1925, אין דער צײַט פון פאַרהעלטנישמעסיקן אָפּפאַלס אין דער פּראָפּ. באַוועגונג אין פּוילן. די פּוילישע רעאַקציאָנערע רעגירונגען האָבן שוין צו יענער צײַט געהאַט באַוויזן מיט דער הילף פון פּאָליציייִשן טעראָר צו אַנולירן אין אַ גרויסן טייל די רעזולטאַטן פון דעם ענטוזיאַסטישן אויפשטייג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די יאָרן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, און נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיקייט. אַ טייל פּראָפּ. פאַראיינען, מיט אַ גרויסער מיטגלידערשאַפט אין דער צײַט פון אויפשטייג זענען איצט געווען פאַרמאַכט, אַנדערע האָבן זיך געמאַטערט מיט אַ נישטיקע צאָל מיטגלידער וואָס האָבן זיי נישט דערלויבט צו אַנטוויקלען אַ ברייטערע אַקציע לטובת די אַרבעטער־אינטערעסן.

נאַטירלעך, האָט די רעאַקציע ווייניקער געטראָפן די שטאַרקע און גרויסע פּראָפּפאַראיינען, וואָס האָבן שטענדיק נאָך יעדן קלאַפּ געפונען אין זייערע רײַען גענוג כוחות אויף זיך צו רעאָרגאַניזירן און ווײַטער אָנצוגיין מיטן קאַמף. אָבער אויך אין די קלענערע פאַראיינען האָבן זיך געפונען ערלעכע, באַוווּסטזיניקע און דעצידירטע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן.

די גרינדונג פונעם כעמישן פאַראיין אויף ניזקע 59 איז טאַקע געווען אַ רעזולטאַט פון דעם אומבאַזיגבאַרן דראַנג פון די ווידערשטאַנדספעיִקע עלעמענטן פון עטלעכע צעקלאַפּטע פאַראיינען ווידער אויפצובויען זייערע פּראָפעסיאָנעלע פאַרטיידיקונגס־פּאָזיציעס.

דער ערשטער שטויס צו שאַפן דעם פאַראיין איז געקומען מצד די פאַרבערס און די שאַכטל־מאַכערס, אָדער פּודעלע־מאַכערס. די פאַרבערס זענען אין די „גוטע צײַטן״ געווען אָרגאַניזירט אין פּוילישן כעמישן־פאַראיין אויף כלאָדנע 10.

נאָך די פּילמאָליקע פּאָליציייִשע איבערפאַלן אויף כלאָדנע 10, ווו עס איז אויך געווען דאָס זיצאָרט פון דעם לינקן ראַט פון די פּראָפּפאַראיינען, איז די פאַרבער־סעקציע זיך צעפאַלן. אין יאָר 1925 זענען די עטלעכע צענדליק ייִדישע פאַרבער־אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט פאַר דער טריקאָטאַזש־אינדוסטריע געווען פאָרמעל אָרגאַניזירט אין כעמישן פאַראיין פון די פּועלי־ציון אויף דזשיקע 38.

די פּועלי־ציון פּאַרטיי האָט אָבער הויפּזעכלעך געניצט דעם פאַראיין פאַר רעפּרעזענטאַנץ־צוועקן, כדי מיט אים צו פאַרגרעסערן איר פאָרשטייערשאַפט אויף די צווישן־פּאַרטיייִשע באַראַטונגען. קיין שום ערנסטע אָרגאַניזיר־אַרבעט בײַ די פאַרבערס האָט דער פאַראיין נישט געפירט און אפילו נישט געקאָנט פירן, ווײַל די מערהייט פאַרבער־אַרבעטער זענען געווען פּאָלאַקן, און די פּועלי־ציון האָבן זיך פון די ייִדישע ד׳ אמות נישט געוואָלט אַרויסרירן.

די פאַרבער־אַרבעטער האָבן צו יענער צײַט, מיט קליינע אויסנאַמען, געאַרבעט 9־10 און 12 שעה אַ טאָג פאַר אַ קליינעם לוין, אָן פאַרזיכערונג אין דער קראַנקן־קאַסע און אין אַרבעטסלאָזן־פאָנד.

דער צושטאַנד האָט באַוויגן די אַרבעטער פון דער פאַרבערײַ אויף מילע 61 און פון אַנדערע פאַרבערײַען איבערצורײַסן מיטן כעמישן פאַראיין פון דזשיקע 38, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געהאַט איבערגעטראָגן אין אַן אַנדערן, פּועלי־ציוניסטישן לאָקאַל, אויף נאַוואָליפּקע, און צו שאַפן אַ ייִדישע אָפּטיילונג בײַם כעמישן פאַראיין, אויף כלאָדנע 10, וואָס האָט זיך שפּעטער איבערגעטראָגן אין דער ייִדישער געגנט, אויף ניזקע 59.

אַריבערקומענדיק אויף כלאָדנע 10, האָבן די ייִדישע פאַרבער־אַרבעטער צוזאַמען מיטן פּוילישן כעמישן פאַראיין, וועמענס סעקרעטאַר עס איז דעמאָלט געווען דער שפּעטערדיקער וויצעפּרעמיער פון נאָכמלחמהדיקן פּוילן, וו. גאָמולקאַ, דורכגעפירט אַ שטרײַק־אַקציע, אַ דאַנק וועלכער עס איז בײַ די פאַרבערס אָפּגעהיטן געוואָרן דער 8שעהדיקער אַרבעטסטאָג און די אַרבעטער־געזעצגעבונג. עס איז אויך דערגרייכט געוואָרן אַ באַדײַטנדיקע לוין־העכערונג. אין דער דאָזיקער אַקציע האָבן אַרויסגעוויזן אַן אומדערמידלעכע אַקטיוויטעט די פאַרבערס: מאיר קאַווע, שמואל ראָזענבערג, מאיר לעוויט, (הײַנט סעקרעטאַר פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד אין ווראָצלאַוו) און משה קאַווע, דער שפּעטערדיקער סעקרעטאַר פון פאַראיין.

די ייִדישע אַרבעטער זענען געווען די פאַקטישע אָרגאַניזאַטאָרן פון שטרײַק אַפילו אין די פאַרבערײַען ווו עס האָבן געאַרבעט בלויז פּוילישע אַרבעטער און די אייגנטימער פון די פאַרבערײַען זענען געווען פּאָליאַקן. דער פאַקט איז ווערט דערמאָנט צו ווערן הײַנט, ווען די ייִדישע רעאַקציע, וועלנדיק שאַפן אַ שנאה צום פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן, ווייל אײַנרעדן ייִדישע פאָלקסמענטשן אַז ייִדן האָבן זיך קיינמאָל נישט געקאָנט צונויפרעדן מיט פּאָליאַקן, וועלכע זענען אַלע אָן אויסנאַם, אייביקע ייִדישע שונאים. מען קאָן זײַן מער ווי זיכער, אַז די פּוילישע באַלעבאַטים פון די פאַרבערײַען האָבן נישט פאַרפעלט צו העצן קעגן די ייִדישע אָרגאַניזאַטאָרן פונעם שטרײַק. די באַציִונג פון די פּוילישע אַרבעטער צו זייערע ייִדישע קאַמפס־חברים איז טראָץ דעם, געווען די גאַנצע צײַט פון שטרײַק אַ וואַרעמע און חברישע.

די שאַכטל־אַרבעטער האָבן אין דער צײַט פון דער גרינדונג פון כעמישן־פאַראיין שוין אויך געהאַט הינטער זיך אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע פון קאַמפן, שווערע קלעפּ און פאַרראַט.

די שאַכטל־אַרבעטער זענען לכתחילה געווען אָרגאַניזירט אין פּאַפּיר־פאַראיין אויף פּאַוויע 16, וואָס איז אין דער צײַט פון דער אַנטשטייונג פון „קאָמבונד״ צוזאַמען מיט זײַן סעקרעטאַר, דעם שפּעטער גוט באַקאַנטן אַרבעטער־טוער מענדל סקראָבעק, איבערגעגאַנגען אין לאַגער פון די לינקע פּראָפּפאַראיינען. מענדל סקראָבעק,

וואָס איז, אין די יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען באַקאַנט אין פראַנקרײַך אַלס מיטרעדאַקטאָר פון „נײַע פּרעסע" אונטערן נאָמען דוויד קוטנער, איז געווען פון פאַך אַ שאַכטל־אַרבעטער. (ער איז אומגעקומען אין אויסראָטונגס־לאַגער פון נאַצווײַלער אין פראַנקרײַך אין דער צײַט פון דער דײַטשער אָקופּאַציע). צוזאַמען מיט מענדל סקראָבעק איז אין פּאַפּיר־פאַראיין פון פּאַוויע 16 אויך געווען שטאַרק אַקטיוו זײַן שפּעטערדיקע פרוי סאַראַ. (ח'טע שרה)

די זעלבע רעזולטאַטן האָט געגעבן דער פּרוּוו פון די שאַכטל־אַרבעטער זיך אָנצושליסן אין כעמישן פאַראיין פון די פּועלי־ציון.

דערמוטיקט דורך דעם נײַעם כעמישן־פאַראיין, דערווײַל אויף כלאָדנע 10, זענען די שאַכטל־אַרבעטער צוגעטרעטן דורכצופירן אַ לוינאַקציע, וואָס האָט געגעבן די גלענצנדיקסטע רעזולטאַטן. אין שטרײַק, וואָס איז געווען אַ מוסטערהאַפטער, האָבן אָנטייל גענומען אַלע שאַכטל־אַרבעטער. צוליב דעם וואָס כלאָדנע 10 איז געווען ווײַט פון דער ייִדישער געגנט זענען די שטרײַק־פאַרזאַמלונגען פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון פּראָפפאַראיין פון דער הויזדינערשאַפט, און די אָנפירונג פון שטרײַק האָט געהאַט אירע טרעפונגען אויף דער גאַס.

דער גורל וואָס איז ביז דעמאָלט געווען אומדערבאַרמדיק צו די שאַכטל־אַרבעטער, האָט געמאַכט אַז אַן אַנדערע גרופּע אַרבעטערס זאָל אויך פאַרפאָלגט ווערן פון די בונדישע פּראָפ' אינסטאַנצן און ביידע צוזאַמען איז געווען לײַכטער צו געפינען אַן אויסוועג.

אין יאָר 1925 איז פון בונדישן טראַנספּאָרט־פאַראיין אויסגעשלאָסן געוואָרן די סעקציע קוילן־טרעגער, וועלכע איז גלײַך צוגעטרעטן אויסצורעמאָנטירן דעם קעלער אויף ניזקע 59 און צו פאַרוואַנדלען אים אין אַ לאָקאַל פאַר זייער פאַראיין.

דער קעלער האָט געהאַט צוויי צימערן. איין צימער איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם נײַ אַנטשטאַנענעם כעמישן פאַראיין, וואָס האָט זיך אַהין אַריבערגעצויגן פון כלאָדנע 10.

דאָס צימערל פון כעמישן פאַראיין איז געווען פון אַרום 3 מעטער די גרויס אויף 5, מיט אַ נידעריקן האַלב קײַלעכדיקן סופיט, אין גאַנצן אָן פענצטער בלויז מיט אַ קרום לאָך, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צו דער גאַס, און איז ווינטער געווען פולשטענדיק פאַרמאַכט מיט אַ הילצערן טירל. אין דעם צימערל האָט מען קײַן מאָל נישט געוווּסט ווען עס איז טאָג און ווען עס איז נאַכט. דאָס עלעקטרישע ליכט האָט שטענדיק געברענט און צו פיל לופט איז אויך נישט געווען. פאַראיינען אין קעלערס זענען געווען מער. דער פאַראיין פון די לעדער־אַרבעטער איז געווען אין אַ קעלער. דער יוגנטלעכער ספּאָרטקלוב „פּראָמיען" האָט געהאַט זײַן לאָקאַל אין אַ קעלער, ענלעך צום צימער פון כעמישן פאַראיין זענען אפשר נאָר געווען די קאַטאַקאָמבעס פון אַלטן רוים.

דאָך איז ביז דעם פּאָליציייִשן איבערפאַל, וועגן וועלכן עס שרײַבט זיך ווײַטער, דאָס צימערל פון פאַראיין געווען שטענדיק איבערפולט מיט אַרבעטער און אַרבעטערינס, וואָס זענען געקומען דערלײדיקן זייערע פאַראיינס־ענינים און זיי האָבן זיך גאָרנישט געאײַלט אַוועקצוגיין.

אַ קורצע צײַט נאָך זײַן גרינדונג. האָט דער פאַראיין אַרײַנגענומען אַ דריטן קרבן פון פאַרפאָלגונגען און היימלאָזיקייט. דאָס זענען די אַרבעטערינס פון די גילזן־פאַבריקן, וואָס זענען אַמאָל געווען אָרגאַניזירט אין טאַבאַק־פאַראיין, וועלכער האָט געהאַט אַ טראַדיציאָנעלע לינקע אָנפירונג פון די ערשטע צײַטן פון זײַן אַנטשטייונג, און וואָס איז אויך געווען פאַרמאַכט דורך דער פּאָליציי.

די גילזן־אַרבעטערינס זענען געווען שטאַרק עקספּלאָאַטירט. דער לוין פון אַ מיידל איז געווען אין דורכשניט פון 12 ביז 15 זלאָטעס אַ וואָך. דעם פאַראיין איז נישט געלונגען צו אָרגאַניזירן די אַרבעטערינס פון די פּוילישע פאַבריקן, וועלכע זענען געווען די מערהייט. דאָך האָט ער אונטערגענומען אַן אַקציע מיט די ייִדישע אַרבעטערינס און עס איז אים געלונגען צו פאַרבעסערן זייערע לוינען און אויסצוקעמפן באַצאָלטע אורלויבן דאָרט, ווו אַזעלכע זענען ביז דעמאָלט נישט אָפּגעהיטן געוואָרן. די פאַרביסענע קאַמפן זענען פאָרגעקומען אין דער פאַבריק „זשאַן", אויף גזשיבאָווסקע־גאַס, וואָס האָט געהערט צו די שותפים קאַלאָדנער־פּיאָטראָווסקי און אין וועלכער עס האָבן געאַרבעט אַרום 70 מיידלעך. אין גרויסע פּרעסט זענען די אַרבעטערינס געשטאַנען בײַם טויער פון פאַבריק, בכדי צו פאַרטיידיקן זייער אַרבעטס־פּאָסטן קעגן אָנפאַלס פון שטרײַקברעכערס אָדער פון אַרבעטערינס, וואָס האָבן נישט געוווּסט פון שטרײַק.

אין די אַקציעס פון גילזן־אַרבעטער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט זײַן ענערגיע און איבערגעגעבנקייט דער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון פאַראיין און שאַכטל־מאַכער אין אַ גילזן־פאַבריקל אויף דזשיקע גאַס, יאָסל סלאָוויאַנסקי.

אין פרילינג פון 1926 איז אין לאָקאַל פון טעקסטיל־פאַראיין אויף פּאַוויע פאָרגעקומען די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פונעם נײַ געגרינדעטן כעמישן פאַראיין, אויף וועלכער עס איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע געוויילטע פאַרוואַלטונג. אויף דער פאַרזאַמלונג איז מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן אויפגענומען געוואָרן דאָס חברישע באַגריסונגס־וואָרט פונעם געוועזענעם באַליבטן טוער פון די שאַכטל־אַרבעטער און אין דעם מאָמענט סעקרעטאַר פונעם טעקסטיל־פאַראיין מענדל סקראָבעק. אויף דער פאַרזאַמלונג האָבן באַקומען די גרעסטע צאָל שטימען, — אַרום 170, — די גרינדער און איבערגעגעבענער טוער פון פאַראיין: משה קאַווע — פאַרבער, שמעון גראַבער און מרדכי שולבאַנק — שאַכטל־מאַכערס, וועלכע האָבן געבילדעט דאָס פּרעזידיום פון דער פאַרוואַלטונג.

דער פאַראיין האָט נאָך דעם אָרגאַניזירט די אַרבעטערינס פון דער פאַבריק פון קרעפּע־פּאַפּיר אויף מילע ראָג לובעצקיעגאָ, ווו עס האָבן געאַרבעט אַרום 50 ייִדישע מיידלעך, וועלכע האָבן שפּעטער אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע העלדישקייט, דיסציפּלין און דעצידירטקייט אין די לוינאַקציעס.

עס זענען אויך אָרגאַניזירט געוואָרן די אַרבעטערינס אין די פאַבריקלעך פון קנעפּ, צעלולאָידע־קעמלעך, פּאַפּיר־בײַטלעך און אַנדערע פּאַפּיר־אויסאַרבעטונגען. אין די אַלע פאַבריקלעך זענען אַדורכגעפירט געוואָרן לוינאַקציעס און עס איז געזאָרגט געוואָרן דערפאַר אַז עס זאָל אָנגעהאַלטן ווערן די אָרגאַניזירטקייט פון די אַרבעטער.

די צרה אין די אַלע פאַכן איז געווען דער כראָנישער קריזיס וואָס האָט געמאַטערט פּוילן, די גאַנצע צײַט פון איר פאַרמלחמהדיקער עקסיסטענץ. דאָס אָפּטע ווערטל: „הײַנט איז נישטאָ קיין אַרבעט, אפשר מאָרגן", האָט אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעשלאָגן בײַ די אַרבעטער דעם קאַמפּסמוט.

דער כעמישער־פאַראיין האָט נאָך עטלעכע יאָרן טעטיקייט נעהאַט דעם זעלבן גורל ווי זײַנע פאָרגייער. אין יאָר 1930 איז דער פאַראיין פאַרמאַכט געוואָרן דורך דער פּאָליציי און די אַרבעטער זענען ווידער געבליבן אויף דער גאַס. אָבער נאָך פיל פריִער האָט דער פאַראיין געהאַט אויסצושטיין אַן אומדערהערטן כוליגאַנישן איבערפאַל פון די „גראַנאַטענע שינעלן".

דאָס איז געווען אין אַן אָנהייב ווינטער. די קוילן־טרעגערס האָבן געהאַט אַ פאַרזאַמלונג אין זייער סאַלאָנדל און די „כעמישע" זענען געווען פאַרמאַכט אין זייער „קאַטאַקאָמב". פּלוצלינג הערט מען אַ טומל און איידער מען באַווייזט זיך צו אָריענטירן וואָס עס קומט פאָר, פאַלן אַרײַן אין צימער צעיושעטע פּאָליציאַנטן און שלאָגן מכות רצח, אַלע וואָס פאַלן זיי אַרונטער אונטער די הענט. אין ווייניק מינוטן זענען אַלע טרעגערס און כעמישע אַרבעטערס געווען פאַרזאַמלט אין צענטער פון הויף, אַרומגערינגלט מיט רײַטער און פוסגייער־פּאָליציי. יעדער באַוועגונג פון וועמען עס איז, ווערט באַגלייט מיט אַ קלאַפּ פון אַ שטעקן. אַמערסטן ווערן טעראָריזירט די עלטערע טרעגער־אַרבעטערס, וועמען מען צווינגט צו קושן דעם פּאָליצייִשן שטעקן און דעם פערדישן הינטן. שפּעטער האָט מען אַלע אָפּגעפירט אין פּאָליציי־צירקל אויף לובעצקיעגאָ. אויפן וועג האָט די רײַטער־פּאָליציי אַראָפּגעטריבן אַלע מענטשן פון די טראָטואַרן אין די הויף אַרײַן און די פוסגייער־פּאָליציי האָט געשלאָגן די אַרעסטירטע אַרבעטער מיט די קאָלבעס איבער די פּלייצעס, אין די זײַטן און ווו עס האָט זיך געלאָזט. אין צירקל האָט מען די אַרעסטירטע אויסגעשטעלט בײַ דער וואַנט פון הויף און מען האָט אָנגעהויבן אויסצוקלויבן די עלטערע און די וואָס האָבן געהאַט אַ נע־

בעכדיקן אויסזען. מען האָט זיי צוגעפירט צום טויער און דאָרט זענען געשטאַנען פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן זיי „מכבד" געווען מיט אַזעלכע שטאַרקע קלעפּ אין אַ געוויסן קערפּערטייל אַז די צעשלאָגענע זענען אַזש אונטערגעשפּרונגען פון ווייטיק. נאָך דער „אָפּעראַציע" האָט מען זיי אַרויסגעשטופּט אויף דער גאַס און באַפרײַט. שפּעט ביי נאַכט האָט מען בײַ די איבעריקע צוגענומען די פּעסער און געלאָזט אַהיים. די פּעסער האָט מען נאָך דעם געמוזט גיין אָפּנעמען אין דער „דעפענסיווע".

די געשיכטע פון דעם איבערפאַל איז ביז הײַנט געבליבן אומפאַרעפנטלעכט. די בונדישע „פאָלקס־צײַטונג" האָט זיך אָפּגעזאָגט וועגן אים עפּעס צו דערמאָנען. דער סעקרעטאַר פון פרײַדענקער־פאַרבאַנד, זאָלאָטאָוו, דאַקעגן האָט אַרײַנגעגעבן אַ נאָטיץ אין „וואָלני מישליטשעל", אין וועלכער עס איז אויסגעדרוקט געוואָרן מיטגעפיל די אַרבעטער פון כעמישן־פאַראיין, צוליב דער פאַרדריסלעכער געשעעניש. די געשעעניש אַליין איז נישט דערמאָנט געוואָרן.

אין דער צײַט פון זײַן עקסיסטענץ אין דעם פאַראיין נאַטירלעך אויסגעקומען צו האָבן קאָנטאַקטן מיט אַנדערע פאַראיינען און אינסטיטוציעס. אייניקע פון זיי לוינט צו דערמאָנען.

דער אָפּסטער קאָנטאַקט איז געווען מיט די שכנים פון קוילן־טרעגער־פאַראיין. טראָץ דעם וואָס די קוילן־טרעגער האָבן זיך רעקרוטירט פון די אַמייסטנס אָפּגעשטאַנענע שיכטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען מענטשן מיט אַ טונקעלער פאַרגאַנגענהייט, איז קיין מאָל נישט געקומען צו קיין צוזאַמענשטויס אָדער צו וועלכן עס איז בייזוויליקן ווערטער־אויסטויש צווישן די מיטגלידער פון ביידע פאַראיינען. די מיטגלידער פונעם קוילן־טרעגער־פאַראיין האָבן זיך באַצויגן צו די מיטגלידער פון כעמישן פאַראיין, וואָס זענען אין גרעסטן טייל באַשטאַנען פון יוגנטלעכע פרויען, חבריש און קאָרעקט. אַזוי איז אויך געווען די באַציונג פון די מיטגלידער פון כעמישן־פאַראיין צו די מיטגלידער פונעם קוילן־טרעגער־פאַראיין. אַ געוועזענער כעמישער אַרבעטער, עדוואַרד דימעטמאַן, איז אַ לאַנגע צײַט געווען סעקרעטאַר פון דעם פאַראיין פון קוילן־טרעגער. די קוילן־טרעגער האָבן פרײַוויליק און חבריש געשטיצט די אַקציעס פון די כעמישע אַרבעטער און גוטמוטיק זיי אָפּגעטרעטן זייער סאַלאָנדל אויף פאַרזאַמלונגען.

נאָרמאַל חבריש זענען געווען די באַציונגען צווישן דעם כעמישן־פאַראיין און דער פוילישער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון פאַראיין פון די כעמישע־אַרבעטער אין פוילן, פון וועלכן דער כעמישער־פאַראיין אויף ניזקע 59 איז געווען אַן אָפּטיילונג. אויף דעם קאָנגרעס פון פאַראיין, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1928 אין קראָקע און אויף וועלכן עס זענען געווען פאַרטראָטן די ייִדישע אָפּטיילונגען פון וואַרשע און ווילנע, זענען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט געוואָרן די פאָרשלאָגן פון די ייִדישע דעלעגאַטן, קאַפּלאַן און קאַווע וועגן די נויטן און פאָדערונגען פון די ייִדישע אַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין די קליינע פאַבריקלעך, כאָטש צאָלמעסיק האָבן די ייִדישע אַרבעטער געשפּילט אַ נישטיקע ראָלע אין דער כעמישער אינדוסטריע.

גאַנץ אַנדערע זענען געווען די דערפאַרונגען וואָס דער כעמישער פאַראיין האָט געהאַט מיטן כל־ישראלדיקן מתים־שטיבל און מיטן בונדישן קולטוראַמט.

עס איז נויטיק געווען צו שיקן אַ דעלעגאַציע פון „שטאַרקע", בכדי אויסצופועלן בײַ דער מתים־אָפּטיילונג פון דער ייִדישער גמינע, זי זאָל דעם בכבודיקן אַרבעטער פון דער גילזן־פאַבריק „זשאַן" דוויד ג. נישט מקבר זײַן ערגעץ אויפן פאַרוואָרפנסטן ווינקל פונעם נײַעם בית־עולם אויף פּאָוואָנזעק.

ערגער איז געווען די דערפאַרונג פונעם כעמישן־פאַראיין אין זײַן קאָנטאַקט מיטן בונדישן קולטוראַמט.

דער כעמישער פאַראיין האָט זיך געווענדט צום קולטוראַמט, ער זאָל אָננעמען מיטלען. אַז דער בונדישער טראַנספּאָרט־פאַראיין זאָל אָפּשטעלן פון דער אַרבעט דעם שאָפער פון דער פּאַפּיר־פאַבריק אויף מילע, אין וועלכער 50 אַרבעטערינס האָבן שוין די דריטע וואָך געקעמפט קעגן דער אײַנגעשפּאַרטקייט פון פאַבריקאַנט, הער שאַפּיראָ. דער קולטוראַמט האָט געענטפערט אַז היות דער כעמישער־פאַראיין איז נישט אָנגעשלאָסן אין קולטוראַמט, האָט ער מיט אים נישט קיין שום געמיינזאַמס און ער וואָרנט קעגן אַראָפּנעמען דעם שאָפער פון דער אַרבעט.

דער שטרײַק פון די פּאַפּיר־אַרבעטער איז מיט דער הילף פון אַנדערע פאַראיינען געוווּנען געוואָרן. די פאַרביטערונג קעגן דער צעריסנקייט אין די אַרבעטער־רייען איז אָבער נאָך לאַנג געבליבן וואָך אין געפיל פון די כעמישע־אַרבעטער.

די כעמישע אַרבעטער האָבן אָנטייל גענומען אונטער דער פאָן פון כעמישן פאַראיין אין די מײַ־דעמאָנסטראַציעס, וואָס זענען פאָרגעקומען אין וואַרשע. זיי האָבן אויך נישט געפעלט אויפן טעאַטער־פּלאַץ, אויף דער ריזיקער מײַ־דעמאָנסטראַציע פון 1928, וואָס האָט זיך ליידער געענדיקט מיט דער טרויעריקער שיסערײַ פון די פּפּ"סישע באַיוּוקעס, קעגן די אומבאַשיצטע אַרבעטער פון די לינקע פּראָפ.פאַראיינען.

דער פאַראיין האָט אָנטיילגענומען אין דער לוויה פון די דרײַ פּוילישע אַרבעטער, וועלכע זענען אומגעקומען אין אַ בנין, וואָס איז אײַנגעפאַלן אין רעזולטאַט פון דער פאַרנאַכלעסיקונג פונעם וואַרשעווער מאַגיסטראַט. די פּאָליציי האָט דעמאָלט אַרומגערינגלט דעם בית עולם און אומברחמנותדיק געממיתט די אָנטיילנעמער.

די באַטייליקונג פון די כעמישע אַרבעטער אינעם אַלגעמיינעם אַנטימלחמה־טאָג פון 1טן אויגוסט 1929 איז געווען כמעט אַ הונדערט פּראָצענטיקער דער שטרײַק אין די פאַבריקלעך פון די כעמישע אַרבעטער איז געווען אין אַ פיל העכערן פּראָצענט ווי בײַ די אַרבעטער פון די גרעסערע פאַראיינען.

בײַם כעמישן פאַראיין האָט עקסיסטירט אַן אַקטיווע און ענערגישע יוגנט־סעקציע, וואָס האָט געהאָלפן דער פאַרוואַלטונג אין אַלע אַקציעס און איז געווען באַזונדערס טעטיק אויפן קולטור־געביט: אין אָרגאַניזירן פאָרלעזונגען, אויספלוגן, קאָלעקטיווע באַזוכן אין טעאַטערס און מוזעומס און ענלעכע אונטערנעמונגען.

אין דער אָנפירונג פון דער יוגנט־סעקציע זענען געווען די יוגנטלעכע: יצחק יעדוואַב, איזאַק זאַרך און אַ ריי יוגנטלעכע אַרבעטערינס פון דער גילזן־פאַבריק „זשאַן" און פון אַנדערע פאַבריקלעך.

אַקטיוויסטן פון כעמישן פאַראיין

בן חיים (בוענאָס־אײַרעס)

די ייִדישע טרעגערס אין וואַרשע

(זכרונות און עפּיזאָדן)

יעדן וואָס האָט געלעבט אין וואַרשע איז גוט באַקאַנט דאָס פאַרצווייגטע פאַך טרעגערײַ. אומעטום, אין אַלע לענדער, איז פאַראַן אַ גרויסע צאָל מענטשן וואָס זענען באַשעפטיקט ווי טרעגערס אָבער אין פּוילן, און בפרט אין וואַרשע, האָט זיך דאָס טרעגערפאַך געפונען אין אַ ספּעציעלער לאַגע. די טראַנספּאָרט־מיטלען זענען געווען זייער נישט אַנטוויקלט, און בײַם אַריבערפירן קלענערע אָדער גרעסערע סחורה־משאות פון איין אָרט אויפן צווייטן אין דער זעלבער שטאָט גופא אָדער בײַם אַרײַנפירן אָדער אַרויספירן די סחורות פון די געשעפטן אויף די פורן און וואָגנס, זענען גענוצט געוואָרן אַלטע מעטאָדן. דערבײַ האָבן געאַרבעט די פאַרשידענע טיפּן טרעגערס וואָס האָבן אויף פאַרשידענע אופנים און פּרימיטיוו, אַריבערגעפירט סחורות פון איין אָרט אויפן צווייטן, געטראָגן די סחורות אויף די פּלייצעס, אונטער די אָרעמס, אין די הענט, געשטופּט אָדער געשלעפּט קליינע האַנטוועגעלעך אין וועלכע זיי זענען געווען אײַנגעשפּאַנט ווי פערד.

אין וואַרשע איז דאָס טרעגערפאַך זייער פאַרצווײַגט. עס זענען דערין געווען באַשעפטיקט אַ סך צענדליקער טויזנטער מענטשן, קריסטן און ייִדן. ייִדן נאָך מער ווי קריסטן, ווײַל דער האַנדל פון די געשעפטן זענען געלעגן אין דער גרעסטער מערהייט אין ייִדישע הענט, במילא האָבן ייִדן געהאַט מער צוטריט צו דעם פאַך. פאַר די ייִדישע סוחרים איז געווען באַקוועמער און גלײַכער צו „האָבן צו טאָן מיט אַ ייִד איידער מיט אַ גוי".

וואָס מער עס האָט זיך אַנטוויקלט דער ייִדישער מיסחר, אַלץ שטאַרקער איז פאַרצווייגט געוואָרן דאָס ייִדישע טרעגערפאַך.

ווי געזאָגט, זענען געווען פאַרשידענע אָפּצווייגונגען אינעם פאַך. געווען טרעגערס וואָס האָבן געאַרבעט בײַ די באַנסטאַציעס וווּ עס זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן די לאַסטוואַגאָנען. זיי האָבן אַראָפּגענומען די סחורות פון די וואַגאָנען און אַרויפגעלאָדן אויף די פורן און וואָגנס. די בעלי־בתים פון די פורן — אָדער פורמאַנעס ווי מען פלעגט זיי רופן אין וואַרשע — האָבן בלויז געפירט די סחורות אויף זייערע וואָגנס. אָבער דאָס אויפלאָדן און אַראָפּלאָדן האָט געהערט צו די טרעגערס. עס זענען געווען אַזעלכע טרעגערס וואָס האָבן אַראָפּגענומען די סחורות פון די פורן און אַרײַנגעטראָגן אין די געשעפטן. דאָס זענען געווען די אַזוי באַרימטע אין וואַרשע „פּלייצע־טרעגערס", וועלכע האָבן געאַרבעט בײַ די שווערע משאות, בײַ די שווערע קאַסטנס וואָס זענען געקומען פון פאַרשידענע שטעט פון פּוילן, ספּעציעל פון פּוילישן מאַנטשעסטער, לאָדזש. יעדער קאַסטן האָט געוואויגן אַ סך, אפילו ביז 25 פּוד. די אַרבעט פון די דאָזיקע טרעגערס איז באַשטאַנען אין אונטערשטעלן די פּלייצע בײַ דער פור, און דער קאַסטן איז דורך די פורמאַנעס אַרויפגעלייגט געוואָרן אויפן טרעגער וועלכער פלעגט דערמיט אַרײַנגיין אין געשעפט אַרײַן. אַנדערע טרעגערס האָבן געטראָגן קלענערע קעסטלעך, אויך אויף דער פּלייצע, פון איין געשעפט אין צווייטן אָדער פון איין געגנט אין דער צווייטער. דאָס זענען שוין געווען טרעגערס פון דער צווייטער קאַטעגאָריע. עס זענען אויך געווען טרעגערס וואָס האָבן איבערגעפירט סחורות און אַנדערע קלענערע משאות פון איין אָרט אויפן צווייטן אויף ווײַטערע שטרעקעס אין דער שטאָט, אין געשטופּטע אָדער געשלעפּטע האַנטוועגעלעך אין וועלכע די מענטשן זענען געווען אײַנגעשפּאַנט ווי פערד. עס זענען אויך נעוועז האַנטוועגעלעך־טרעגערס וואָס האָבן געפירט שיטעורדיקע סחורות, ווי קוילן, האָלץ, קאַרטאָפל, פּרוכט און ענלעכע זאַכן. דאָס זענען געווען די אויך באַרימטע אין וואַרשע „קוילן־טרעגערס". אַ גאַנץ גרויסער שיכט טרעגערס האָט געאַרבעט אין די גרויסע שעכטהײַזער און אין די קלענערע שעכטהײַזער פון עופות. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר מיוחסים צו גלײַך מיט די פּלייצע־טרעגערס און די דאָזיקע צוויי צווײַגן האָבן געוואָלט הערשן איבער דעם גאַנצן טרעגערפאַך, צוליב וואָס עס זענען שטענדיק פאָרגעקומען רײַבונגען.

מערסטנס זענען אין די אַלע צווײַגן פון טרעגערפאַך געווען באַשעפטיקט ייִדן, אויסער אין געציילטע ערטער, ווי בײַ די באַנסטאַציעס און אין די גרויסע שעכטהײַזער, וווּ עס זענען געווען באַשעפטיקט קריסטן. די באַציִונגען צווישן די קריסטלעכע און ייִדישע טרעגערס, ספּעציעל פון די גרעסערע צווײַגן ווי די פּלייצע־טרעגער און פון די שעכטהײַזער, איז געווען אַ גוטע, טראָץ דעם אַנטאַגאָניזם צווישן זיי צוליבן ווילן הערשן איבערן גאַנצן טרעגערפאַך. אָבער די דאָזיקע גוטע באַציִונג איז געווען נישט אַזוי צוליב פאַך סאָלידאַריטעט ווי צוליב די „ברייטע פּלייצעס" פון די פּלייצע־טרעגערס, וואָס דאָס האָט אַ סך געווירקט . . . אויף די „גוים", און בײַ פאַרשידענע פאַלן פלעגן זיי דאָס פילן אויף זייערע „גוישע" פּלייצעס. . .

אַ ייִדישער טרעגער אויף דער נאַלעווקעס. (פאָטאָ אַ. קאַציזנע)

די אַרבעטספּלעצער פון די טרעגערס זענען געווען אײַנגעטיילט אויף אַזאַ אופן: די שטאָט איז געווען צעטיילט אין סטאַציעס, יעדע סטאַציע האָט אַרײַנגענומען אין זיך אַ געוויסן שטח פון דער שטאָט מיט אַ צאָל גאַסן. טרעגערס פון אַ צווייטער סטאַציע האָבן נישט געטאָרט אויספירן די אַרבעט אין נישט־זייער סטאַציע. בײַ יעדער סטאַציע האָבן געאַרבעט אַ געוויסע צאָל טרעגערס. אין די סטאַציעס וואָס האָבן אַרײַנגענומען די גאַסן פונעם גרויסהאַנדל

מיט אַ סך געשעפטן, איז דער שטח געווען אַ קלענערער און די צאָל טרעגערס אַ גרעסערע, דערקעגן די סטאַציעס פון די גאַסן פון קליינהאַנדל, מיט אַ קלענערער צאָל געשעפטן, איז דער שטח פון דער סטאַציע געווען אַ גרעסערער און די צאָל טרעגערס אַ קלענערע. יעדע סטאַציע האָט פון זיך אויסגעטיילט איינעם פאַר אַ קאַסיר און אין אָוונט, נאָכן שליסן די געשעפטן, האָבן זיי צווישן זיך צעטיילט דאָס אַרײַנגעקומענע געלט פון טאָג ארבעט. דער פרײַז פון דער ארבעט איז געווען לויט די צאָל קאַסטנס אָדער זעק און לויט דער וואָג פון יעדן קאַסטן. יעדן טאָג איז אַן אַנדערער פון דער סטאַציע ארומגעגאַנגען זײַן שטח און געהאַלטן וואַך צו וועלכן געשעפט עס קומען אָן פורן מיט סחורות, די רעשט זענען געזעסן אין די שענקען אָדער רעסטאָראַנען און געוואַרט ביז דער איינער וועט זיי רופן צו דער ארבעט. די ארבעט איז געגאַנגען לויט דער ריי, אַ טייל האָבן געאַרבעט, די אַנדערע האָבן זיך צוגעקוקט, שפעטער ווען עס זענען געקומען אַנדערע ארבעטן האָבן די אַנדערע געאַרבעט און די ערשטע האָבן זיך צוגעקוקט. אָבער אַלע זענען געווען אויפן ארבעטספלאַץ. עס איז געווען כמעט אויף יעדער סטאַציע אַזעלכער וואָס איז נאָר באַנוצט געוואָרן צו דער ארבעט ווען עס זענען געקומען קאַסטנס פון גאָר גרויסע וואָג און וואָס נאָר ער אַליין האָט דאָס געקענט נעמען אויף זײַן פלייצע. דערפאַר איז ער בײַ די אַנדערע ארבעטן געווען פרײַ, „מ'האָט אים געשאָנעוועט".

אין די אַנדערע צווײַגן פון טרעגערפאַך איז מער־ווייניקער אויך געווען דער זעלבער אײַנשטעל פון דער ארבעט.

די הויפטסטאַציעס, ווּ עס האָבן געאַרבעט די פלייצע־טרעגערס האָבן זיך געפונען אין די גאַסן פון ייִדישן גרויסהאַנדל: אויף נאַלעווקעס ראָג גענשע, אויף נאַלעווקעס און פראַנציסקאַנער, נאַלעווקעס און נאָוואָליפקי, נאַלעווקעס 2 בײַ סימאָנס־פאַסאַזש, פראַנציסקאַנער און באָניפראַטן בײַ יאַראָשעווסקיס הויף, אויף פלאַץ גזשיבאָוו און טוואַרדע, אויף קראָכמאַלנע, גזשיבאָווסקי און טוואַרדע, פאַרן אײַזערנעם טויער בײַ די „פאָטשעיאָוו"־געוועלבער, בײַ די מיראָווסקער־האַלעס, אין יאַנאַשעס־הויף, אויף פשעכאָדנע און פטאַשע בײַ די הורטפרוכט־סוחרים און אַנדערע.

דער מענטשן־מאַטעריאַל פון די טרעגערס איז באַשטאַנען פון אַן עלעמענט וואָס איז געקומען פונעם אָרעמען טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין ווארשע. דאָס זענען געווען זין פון קליינהענדלערס, קליינע האַנטווערקערס, גאַסן־הענדלערס, וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן אין אָרעמקייט, נישט דערעסן און נישט דערשלאָפן, אָן שום דערציִונג, קוים געגאַנגען געציילטע יאָרן, קינדערווײַז אין חדר אָדער אין די פילאַנטראָפישע תלמוד־תורות, ווי אין דער באַרימטער תלמוד־תורה פון נײַע־מילע־גאַס 63, וועלכע איז געווען באַקאַנט אין ווארשע דערמיט וואָס די גרעסטע עם־הארצים זענען ארויס פון דאָרט (די קינדער פון דער ייִדישער אָרעמקייט האָבן באַזוכט די דאָזיקע תלמוד־תורה ווײַל מען איז געווען פרײַ פון צאָלן שכר־לימוד). די דאָזיקע קינדער וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אויף דער גאַס איז זייער שווער געווען צו האַלטן בײַ אַן אַרבעט; זיי האָבן זיך קיין פאַך נישט געלערנט און זענען דערפאַר געבליבן דעקלאַסירטע לומפן־פראָלעטאַריער, און זייער איינציקע באַשעפטיקונג האָט נאָר געקענט זײַן טרעגערײַ. דאָס שטענדיקע געפונען זיך, פון קינדווײַז אָן, אויף דער גאַס האָט געווירקט אַז זיי זאָלן זיך מישן מיט פאַרשידענע טיפן אונטערוועלט־מענטשן פון דער ייִדישער גאַס אין ווארשע. עס איז געווען אַ צונויפמיש פון גנבים, אַלפאָנסן, קאָמבינאַטאָרס, כוח־גייערס, פאַרשוינען מיט פאַרשידענע נישט־כשרע און אומלעגאַלע מסחרים און אַנדערע טיפן „שטאַרקע", טאַקע פיזיש־שטאַרקע, און צווישן זיי זענען געווען די טרעגערס און ספעציעל די פלייצע־טרעגערס, מיט וועלכע אַלע אַנדערע האָבן, צוליב זייער פיזישן כוח, זיך געמוזט רעכענען און זיי געוואָלט האָבן אין זייער וועלט.

די ייִדישע פאָליטישע און פראָפעסיאָנעלע ארבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט אין דער צײַט פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז אין יאָר 1905, באַוויזן איר כוח, און וועלכע האָט אויך געהאַט צווישן אירע אויפגאַבעס דאָס באַזײַטיקן די אונטערוועלט פון דער אויבערפלאַך, האָט זיך אויך באַמיט צו געווינען דעם דאָזיקן דעקלאַסירטן

טייל לומפן־פראָלעטאַריער, דעם טרעגער, פאַר דער ארבעטער־באַוועגונג. עס האָט אַ ביסל געווירקט אויף די טרעגערס דער געוווּנענער קאַמף פון די ארבעטער קעגן דער אונטערוועלט אין די יאָרן 1904—1905, ווען די אונטערוועלט איז פאַרשטופט געוואָרן אין די מײַזלעכער נאָך די קלעפ וואָס די ארבעטער האָבן זיי געגעבן. אָבער צוליב דער ארבעט־ספעציפישקייט פון די טרעגערס, וואָס האָבן זיך געפונען שטענדיק אין גאַס, און אויך צוליב דער שפעטערדיקער אומלעגאַלער סיטואַציע פון דער ארבעטער־באַוועגונג נאָכן 5טן יאָר, איז נישט אין גאַנצן געלונגען ארײַנצוציִען דעם טרעגער־עלעמענט אין דער ארבעטער־באַוועגונג.

דאָס איז אָבער געלונגען מיט אַ צײַט שפעטער, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די פראָפעסיאָנעלע ארבעטער־באַוועגונג האָט אָנגענומען אַן אַנדערן כאַראַקטער; ווען עס האָבן זיך געעפנט לעגאַלע פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און ווען אַלע פאָליטישע פאַרטייען, סײַ ייִדישע און סײַ קריסטלעכע, האָבן זיך באַמיט צו האָבן די השפעה אויף די דאָזיקע נײַ־געשאַפענע לעגאַלע פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. דעמאָלט איז אויך געשאַפן געוואָרן דער פראָפעסיאָנעלער פאַראיין פון טרעגער־ארבעטער. עס איז אין אַ גרויסער מאָס געלונגען ארײַנצוציִען די טרעגערס אין דער ארבעטער־באַוועגונג און זיי ארויסרײַסן פון דעם איינפלוס פון דער „גאַס", פון דער „אונטערוועלט־גאַס", און זיי זענען מיט דער צײַט געוואָרן אַ געוויסע שטיצע פאַר דער ארבעטער־באַוועגונג.

עס איז אָבער אין גאַנצן נישט מעגלעך געווען צו מאַכן פון זיי באַוווּסטזיניקע ארבעטער. דער כאַראַקטער פון זייער ארבעט, דאָס נישט־געפינען זיך אויף אַ פלאַץ ווי פאַבריק־ארבעטער, דאָס אויספירן זייער ארבעט אויף דער גאַס, האָט זיי שטענדיק געהאַלטן אין אַ געוויסער פאַרבינדונג מיט דעם גאַסן־עלעמענט וואָס האָט זיי באַווירקט. זיי האָבן זיך געפונען צווישן צוויי קעגנזעצלעכע ווירקכוחות; פון איין זײַט די ווירקונג פון דער אַזוי גרויסער, פאַר יענער צײַט, ייִדישער פאָליטישער און פראָפעסיאָנעלער ארבעטער־באַוועגונג, און פון דער צווייטער זײַט — די געוווינשאַפט פון קינדווײַז אָן צו דער גאַס און די השפעה פון דעם גאַסן־עלעמענט, מיט וועלכן זיי זענען שטענדיק געקומען אין קאָנטאַקט, סײַ בײַ דער ארבעט און סײַ אין די שענקען און רעסטאָראַציעס.

עס איז געווען נאָך אַ סיבה און אפשר גאָר אַ שטאַרקערע וואָס האָט אַ סך געשטערט צו באַווירקן ווי געהעריק פאַר דער ארבעטער־באַוועגונג דעם פילצאָליקן טרעגער־עלעמענט. דאָס איז געווען דאָס אויסנוצן זיי דורך אַלע פאָליטישע פאַרטייען סײַ אויף דער ייִדישער גאַס און סײַ אויף דער קריסטלעכער ווי אַ פיזישער כוח אינעם צווישנפאַרטייִשן קאַמף וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צײַט צווישן ביידע וועלט־מלחמות. זיי זענען געהאַלטן געוואָרן ווי קעסטקינדער דורך די פאַרטייען וועלכע ס'האָט זיך אײַנגעגעבן צו געוווּנען זיי. דאָס האָט אויך געברענגט צו שפאַלטונגען אינעם טרעגערפאַך גופא און ארײַנגעפירט אַן אַנטאַגאָניזם צווישן די פאַרשידענע צווײַגן און קאַטעגאָריעס בײַ די טרעגערס גופא. אָנשטאָט צו זײַן געבונדן צווישן זיך ווי באַשעפטיקטע אין איין פאַך, זענען זיי זיך געוואָרן שונאים. איין צווײַג מיטן צווייטן האָט געפירט אַ קאַמף, און דאָס האָט גורם געווען אַז אויב די פלייצע־טרעגערס זענען געווען באַווירקט פון איין פאָליטישער פאַרטיי, איז אַ צווייטער צווײַג, שוין צוליב דעם אַליין, אַוועק צו אַ צווייטער פאַרטיי. קיין שום אַרבעטער־פאַראיין האָט נישט אַזוי פיל איבערגעוואַנדערט פון איין פאַרטיי אין דער צווייטער און צוריק, און דערנאָך ווידער אין דער אַנדערער און שפעטער נאָך אין אַ דריטער, ווי די טרעגערס.

די פלייצע־טרעגערס, למשל, האָבן אין דער צייט פון 1919 ביז 1939, אין פאַרלויף פון צוואַנציק יאָר, געוואַנדערט צו ערשט פון די קאָמוניסטן צו די פאַראייניקטע, שפעטער צום בונד און אין 1929 אַריבער גאָר צו די רעכטע פפ"ס (פראַקעס), שפעטער האָט דער פאַראיין זיך געשפאָלטן אין דרײַ טיילן: בײַם בונד און בײַ די קאָמוניסטן. און ווען, למשל, איין צווײַג איז געווען בײַ איין פאַרטיי, האָט דער אַנדערער צו להכעיס זיך אָנגעשלאָסן אין אַן אַנדערער. ווען די באַרימטע פלייצע־טרעגערס האָבן געהערט צום בונד האָבן די אַנדערע, די אַזוי גערופענע „קוילן־טרעגערס" געהערט צו די קאָמוניסטן. דאָס האָט געברענגט דערצו אַז די טרעגערס האָבן זיך געפילט ווי מיוחסים, זיי האָבן געפילט זייער כוח, אַז די פאַרטייען

נייטיקן זיך אין זיי און נוצן אויס זייער פיזישע שטארקייט אינעם פארטייִשן קאמף. דער פועל־יוצא איז געווען, אין א געוויסער מאס, אז נישט זיי זענען באווירקט געווארן פון דער פארטייִשער און פראפעסיאנעלער באוועגונג, נאר זיי האבן גאר געלייגט א געוויסן חותם אויף דער פארטייִשער ארבעט, ספעציעל אויף די „באיזוורקעס", וועלכע האבן אין א סך פאלן געבערענגט צו נישט קיין שיינע מעשים פאר די פארטייען בפרט און פאר דער באוועגונג בכלל.

אין וואס איז באשטאנען זייער כוח? מחמת זיי זענען דערצויגן געווארן אויף דער גאס, אויסגעמישט צווישן די פארשידענע טיפן גאסן־מענטשן און אונטערוועלט־לײַט אין ווארשע, האבן זיי פארמאגט אין זיך א גרויסע מאס הפקרות. זייער אמביציע איז געווען אז אלע זאלן זען און פילן זייער גבורה און פאר זיי מורא האבן, אז אלע אנדערע פון זעלבן שיכט זאלן זיי דינען און מיטהעלפן אין זייערע אמביציעס. אזוי ארום האבן זיך צווישן זיי גופא געשאפן גרופעס, מיט א פון זיך געקרוינטן קעניג, לויט דער גבורה וואס דער אדער יענער האט געהאט אדער לויט דער הפקרות און דרייסטקייט אין געשלעגן וואס איינער אדער א צווייטער האט באזיצט. די גרופעס האבן שטענדיק צווישן זיך געפירט א קאמף פאר אנזעעוודיקייט. א סך מאל איז דערגאנגען צווישן צוויי גרופעס צו א פארשטענדיקונג וואס האט זיך פארענדיקט מיט א דין־תורה און מיט שנאפס און געבראטענע גענדזולעך אין די שענקען און רעסטאראציעס, אבער אין אנדערע פאלן איז געקומען צו גאסן־געשלעגן, נאך וועלכע א צאל אנטיילנעמערס איז אוועקגעפירט געווארן אין די שפיטעלער און די אנדערע וואס זענען ארויס גאנץ, האבן פארענדיקט דעם ענין אין די שענקען מיט א כוסה און א פרעס.

די פארוואלטונג פון
טרעגער־פאריין

די „ספארן" זענען געווען פארשידנארטיקע: צוליבן וועלן זײַן די שטארקסטע גרופע און אלע אנדערע זאלן פאר זיי מורא האבן, צוליב א בעסערער סטאציע, ווען א טייל האט זיך אויסגעדאכט אז אויף דער אדער יענער סטאציע פארדינט מען מער, צוליב א כלה וואס איינער פון איין גרופע האט צוגענומען בײַ א צווייטן פון א צווייטער גרופע און די גאנצע גרופע איז ארויס אין קאמף כדי צו פארטיידיקן דעם באעוולטן; און צו לעצט — אונטער דער ווירקונג פון פארשידענע פארטייען וואס האבן זיי אויסגענוצט אינעם צווישנפארטייִשן קאמף, אינעם מיטהעלפן באקומען די השפעה אויף איינעם אדער א צווייטן פראפעסיאנעלן פאראיין.

עס זענען כאראקטעריסטיש אייניקע עפיזאדן כדי צו באווײַזן דעם פיזישן כוח פון די טרעגערס און זייער מאכט וואס האט געהערשט אויף דער גאס.

בעת א כוליגאנישן אנפאל אויף יידן פון דער אנטיסעמיטישער „נארא"־יוגנט אין דעם „דעמאקראטישן" פילסודסקי־פוילן, אין די גאסן ארום דעם „אײַזערנעם־טויער", טווארדע, גזשיבאווסקע, זשאביע און גראניטשנע, האבן די פלייצע־טרעגערס פון יענער געגנט אויפגענומען די כוליגאנעס מיט אזא „ברוך־הבא" אז א טייל נארא־העלדן זענען אוועקגעפירט געווארן אין די שפיטעלער און די אנדערע האבן שוין פארזאגט א צענטן נישט צו קומען נאך א מאל אין די יידישע גאסן און זיך טשעפען צו יידן. מיט דעם האבן די פלייצע־טרעגערס באוויזן זייער פיזישן כוח אינעם קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם אין ווארשע.

אינעם פראפעסיאנעלן קאמף מיט זייערע ברויטגעבערס איז אינטערעסאנט דער ווײַטערדיקער עפיזאד. אין יאר 1928 זענען זיי געווען ארגאניזירט אין פאראיין אויף שטשענשליווע 9. (אויף דעם בילד איז פאטאגראפירט די פארוואלטונג פון פאראיין מיטן פרעזידענט אויבן אן; דערנעבן זיצט דער פארשטייער פון דעם צענטראלן טראנספארט־פאראיין, יוסף ליפשיץ (באסאק). אין יענער צײַט זענען אלע אפטיילונגען פון די טרעגער־פאראיינען געווען אנגעשלאסן אין דעם אלגעמיינעם צענטראלן פוילישן טראנספארט־פאראיין, וואס האט ארומגענומען אלע טראנספארט־ארבעטער פון לאנד, פון די באן־ארבעטער ביז וועגעלע־פירערס. (די צענטראלע האט געהאט איר זיצארט אין ווארשע אין אן אייגענעם פילשטאקיקן הויז אויף סאלעץ). לעבן דעם פארשטייער פון דער צענטראלע זעט מען דעם בארימטן שעיה־יידל זילבערשטיין און אויך דעם סעקרעטאר פון דער ווארשעווער אפטיילונג פון די פלייצע־טרעגער.

שעיה־יידל איז געווען א שם־דבר אין יענער צײַט: ער איז געווען בײַ די טרעגער דער „קייסער". ער איז געווען א מענטש א רויִקער, א געמיטלעכער, מיט א שטענדיק שמייכלענדיק פנים און עס איז שווער געווען צו גלייבן אז דער דאזיקער מענטש זאל קענען אויפהייבן א האנט אויף וועמען. שטעלט זיך די פראגע: פאר וואס האט ער דאס באקומען דעם טיטל „קייסער" בײַ די טרעגערס?

עס איז געשען א פאל: עס איז פארגעקומען א שטרײַק פון די טרעגער אויף דער סטאציע טאוואראווע, ווו עס פלעגן אנקומען די לאסטוואגאנען פון דער הויפט־באנליניע. דער שטרײַק איז געווען קעגן די מאנופאקטור־סוחרים פון גענשע־גאס, וואס צו זיי האט געהערט דאס אפלאדן די סחורות פון די וואגאנעס אויף די פורן. די סוחרים האבן זיך קעגנגעשטעלט דעם צווייענדיקן באצאלן פארן אפלאדן פון די וואגאנעס אויף די פורן און שפעטער פון די פורן אין זייערע געשעפטן ארײַן, און זיי האבן באווירקט א טייל פורמאנעס וועלכע האבן געפירט די סחורה פון דער באן צו די געשעפטן, אז זיי זאלן אראפנעמען די סחורה פון די וואגאנעס און פירן עס גלײַך אין די געשעפטן. די טרעגערס פון דער דאזיקער סטאציע האבן עס געמאלדן אין פאראיין. עס איז באלד געגעבן געווארן צו וויסן די פארוואלטונגס־מיטגלידער, און זיי האבן באשטימט אז שעיה־יידל גופא צוזאמען מיטן סעקרעטאר פון פאראיין, זאלן אינטערווענירן אין דעם ענין. ווען שעיה־יידל איז געקומען אויפן באנוועג, ווו עס שטייען די וואגאנעס מיט משא, האבן די פורמאנעס און זייערע משרתים שוין געהאלטן אין אפלאדן איין וואגאן, כמעט א האלבער וואגאן מיט סחורה איז שוין געווען פערטיק. שעיה־יידל

האָט אינטערווענירט בײַ די נישט־ייִדישע פורמאַנעס, דערקלערנדיק זיי אַז די אַרבעט געהערט צו די טרעגערס פון דער דאָזיקער סטאַציע. די נישט־ייִדישע פורמאַנעס, וואָס האָבן גוט געקענט... שעיה־ייִדלען, האָבן אים געבעטן (און אים טאַקע גערופן אויף ייִדיש „שעיה־ייִדל"), אַז ער זאָל זיי דערלויבן בלויז צו ענדיקן דעם אָפענעם וואַגאָן. שעיה־ייִדל מיטן שמייכלענדיקן פנים, האָט זיי אָבער געענטפערט גאַנץ רויִק אַז די אַראָפגענומענע סחורה מוז דורך זיי צוריק אַרײַנגעלייגט ווערן אין וואַגאָן און דער וואַגאָן דאַרף צוריק פאַרחתמעט ווערן. עס האָבן נישט געהאָלפן די טענות פון די פורמאַנעס; שעיה־ייִדל האָט נאָך אַ מאָל געפרעגט צו זיי מיינען אַז די טרעגערס וועלן זיך לאָזן אַזוי לײַכט צונעמען זייער אַרבעט. נאָך שעיה־ייִדלס לעצטע קשיה, האָבן די פורמאַנעס און משרתים אויפגעלאָדן די סחורה צוריק אין וואַגאָן און גערופן אַ באַן־אָנגעשטעלטן, וועלכער האָט נאָך גרויסע שוועריקייטן דעם וואַגאָן צוריק פאַרחתמעט. דער באַגלייטער פון שעיה־ייִדלען, דער סעקרעטאַר פון פאַראיין, האָט זיך דעמאָלט איבערצײַגט אַז שעיה־ייִדל איז טאַקע „קייסער". אָבער עס איז אים נאָך אַלץ געווען האַרב די קשיה ווו איז דער כוח וואָס האָט באַוויזן די נישט־ייִדישע פורמאַנעס און זייערע משרתים אויסצופאָלגן שעיה־ייִדלס פאַראָרדענונגען. אויך די סוחרים פון גענשע־גאַס האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער עצה ווי אויספאָלגן שעיה־ייִדלס באַפעלן און באַצאָלן די טרעגערס פון יענער סטאַציע...

אָבער אויב עס זענען אויסגעמיטן געוואָרן געשלעגן בײַ די פראָפ' קאַמפן און שטרײַקן — פשוט דערפאַר ווײַל דער פאַראיין האָט שוין איבער זיי געהאַט די ווירקונג און האָט נישט דערלאָזט עס זאָל דערגיין צו טעראָר־מיטלען אינעם פראָפ' קאַמף — און עס האָט שוין מער געווירקט די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאַראיינס־אַרבעט סײַ אויף די טרעגערס און סײַ אויף זייערע ברויטגעבערס וואָס האָבן זיך שטענדיק דערמאָנט דעם טרעגערישן כוח, איז אָבער זייער שווער געווען פאַר די פאַריין־אָנפירערס אָפצוהאַלטן דעם קאַמף און אויסמײַדן געשלעגן ווען עס זענען פאָרגעקומען רײַבונגען צווישן זיי אַליין אָדער צווישן די פאַרשידענע גרופעס צווישן זיי. אַזאַ סיכסוך איז פאָרגעקומען צווישן אַ גרופע פלייצע־טרעגערס מיט אַן אַנדער גרופע עופות־טרעגערס, וואָס האָבן געהערט צום זעלבן פאַראיין אויף שטשענשליווע 9.

עס איז געשען אַ פאַל, עס איז געשטאָרבן אַ טרעגער און אַלע טרעגערס זענען געקומען צו דער לוויה אויף סאַפיעזשינסקע־געסל. ביז די עגלה איז געקומען האָבן דערווײַל די צוויי גרופעס זיך דורכגעווערטלט, פילנדיק זיך שטאַרק ווייל זיי זענען אַלע געווען אויפן פלאַץ. עס איז דערגאַנגען צו אַ געשלעג, טראָץ דער אינטערווענץ פון די פאַראיין־פאַרשטייערס.

שעיה־ייִדל איז זיך געזעסן אין אַ קאַוויאַרניע אין אַ זײַטיק געסל אויף באָניפראַטן, וואַרטנדיק אויף דער עגלה. מ'האָט אים צו וויסן געגעבן וועגן דעם געשלעג. דעמאָלט האָבן זיך די פאַריין־פאַרשטייערס געקענט איבערצײַגן פאַר וואָס שעיה־ייִדל איז קייסער. עס איז אַרויסגעלאָפן פון קאַוויאַרניע אַ טיגער אין געשטאַלט פון אַ מענטש, האָט גענומען שלאָגן אויף רעכטס און לינקס מיט די פויסטן, מיט די פיס, מיטן קאָפ און מיטן גאַנצן קערפער. ער האָט געהאַלטן אײַנגעוויקלט אין זײַן קערפער אַ דרײַ־פיר קעגנערס, אויך נישט קיין מפיל־קינדער, וואָס האָבן זיך נישט געקענט אַרויסוויקלען פון אים. ער האָט זיי כסדר געשלאָגן; עס איז נישט געווען דער כוח וואָס זאָל זיי קענען אַרויסרײַסן פון זײַנע הענט. געהאָלפן האָט, וואָס עס איז אָנגעקומען די עגלה. דעמאָלט האָט שעיה־ייִדל אַרויסגעלאָזט פון זיך זײַנע קעגנער און אַלע זענען מיטגעגאַנגען מיט דער לוויה שטיל און רויִק, אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען געציילטע מינוטן פריִער. אַ טייל פון זיי, נאָכגייענדיק נאָך דער עגלה, האָבן זיך אָרומגעווישט דאָס פנים פון בלוט. שעיה־ייִדל האָט צוריק באַקומען זײַן מענטשלעך שמייכלענדיק געזיכט... ווען די עגלה איז שוין געהאַט אָפגעגאַנגען אַ קליינעם שטח, האָט זיך באַוויזן אַ גרויסע מחנה פאָליציי, וואָס האָבן באַגלייט דעם טויטן אויפן גאַנצן וועג, פריער האָט מען נישט געזען קיין איינעם פון זיי... (די וואַרשעווער פאָליציי, פלעגט זיך פירן, אַז זי איז שטענדיק געקומען נאָכן געשלעג צווישן טרעגערס...) מסתמה איז נאָך דער לוויה דער ענין פאַרענדיקט געוואָרן אין שענק ווייל נאָך דעם איז געווען צווישן די צוויי גרופעס שלום ושלווה. בײַ דעם דאָזיקן פאַל האָבן זיך די פאַראיין־פאַרשטייערס איבערצײַגט וואָס אַזוינס איז דער מענטשן מיטן שמייכלענדיקן פנים און פאַר וואָס „גוייִשע" פורמאַנעס האָבן פאַר אים מורא.

נאָך אַן אינטערעסאַנטער עפיזאָד איז פאָרגעקומען אינעם זעלבן יאָר אויפן באָדן פון צווישנפאַרטייִשן קאַמף.

די רעכטע פפ"ס (פראַקעס) זענען פאַר יענער צײַט געווען אַ גרויסער כוח אויף דער קריסטלעכער אַרבעטער־גאַס און זיי האָבן אויך געהאַט אַ השפעה אויף די פליישטרעגערס, די באַנטרעגערס, די פורמאַנעס און אַנדערע. זיי זענען נישט געווען צופרידן פון דעם שטאַרקן כוח פון די פלייצע־טרעגערס אין דער ייִדישער פראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און האָבן געזוכט מיטלען אַרויסצונעמען די פלייצע־טרעגערס פון דער בונדישער השפעה. עס איז זיי דאָס נישט שווער אָנגעקומען, ווײַל שטענדיק האָבן זיך געפונען צווישן פלייצע־טרעגערס קאַנדידאַטן אויף „קייסער", אויף שעיה־ייִדלס אָרט, מחמת זיי האָבן געהאַלטן אַז זייער כוח איז אויך נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. און עס האָט זיך אַרויסגערוקט אַזאַ „פערזענלעכקייט", מיטן נאָמען איטשע „זבוך" (אויפן בילד דער צווייטער רעכטס אויבן אָן) וועלכער האָט געהיימערהייט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די פראַקעס וועגן איבערגעבן זיי דעם גאַנצן פאַראיין. עס איז אים געלונגען צו באַווירקן אַ געוויסן טייל, וואָס האָבן זיך מתקנא געווען מיט שעיה־ייִדלס „קייסערשאַפט", און דער קאַמף איז געוואָרן אַן אָפענער. אין איינעם אַ טאָג איז פאָרגעקומען אַ מאָביליזאַציע פון ביידע כוחות: פון איין זײַט די פראַקעס אונטער דער פירונג פון זייער „באָיוּווקע" מיט דעם באַרימטן פירער לאָקעטעק אין דער שפיץ און מיט אַלע קריסטלעכע טרעגער־פאַראיינען, צו הילף „איטשע זבוכס" גרופן; פון דער צווייטער זײַט די בונדישע „באָיוּווקע" מיט זייער באַרימטן פירער „בערנאַרד" אין דער שפיץ און מיט שעיה־ייִדלען בראש פון די קאַטעגאָריעס טרעגערס וואָס האָבן זיך גרופירט בײַם „בונד". די מאָביליזאַציע איז פאָרגעקומען אין אַ גרויסן הויף אויף פטאַשע־גאַס צווישן די גרויסע פורן מיט פרוכטקעסטלעך. דאָ איז געווען די בונדישע פעסטונג. דער אַנדערער כוח האָט זיך געפונען אויך אין אַ גרויסן הויף אויף אַ שכנותדיקער גאַס. איין גרופע האָט געוואַרט די צווייטע זאָל אָנגרייפן.

עס האָבן זיך אָבער אָפגעגעבן חשבון די אָנפירערס פון די צוויי גרופעס אַז עס טאָר נישט דערלאָזט ווערן צו אַ געשלעג, ווײַל ס'וואָלט דערגאַנגען צו אַן אמתער און שרעקלעכער בלוטבאָד. ס'זענען פאָרגעקומען אונטערהאַנדלונגען צווישן די פירערס פון די „באָיוּווקעס" אויף די מאָביליזאַציע־פלעצער, עס האָבן אינטערווענירט פאַרטיי־אָנפירערס וועלכע האָבן געצוימט די „באָיוּווקע־פירערס" וואָס האָבן זיך געוואָלט פאַרמעסטן מיט די כוחות. דער ענין האָט זיך פאַרענדיקט אָן אַ מלחמה... איטשע „זבוך" איז מיט זײַן גרופע אַריבער צו די פראַקעס און צו ביסלעך איבערגענומען דעם גאַנצן פאַראיין, אָבער שעיה־ייִדל מיט אַ קליינער גרופע, אָן אַן אַרמיי, איז געבליבן בײַם בונד. אויף אַזעלכע אופנים האָבן די טרעגערס אין וואַרשע, און ספעציעל די פלייצע־טרעגערס באַוויזן זייער כוח, אויף זייער שטייגער, אינעם אַלגעמיינעם ייִדישן לעבן אין וואַרשע.

עס איז שווער צו גלויבן אַז די טרעגערס אין וואַרשע און ספעציעל די פלייצע־טרעגערס זאָלן גאָרנישט האָבן באַוויזן זייער כוח אויך אין דער וואַרשעווער געטאָ און אינעם אויפשטאַנד. אָבער וויפל דער שרײַבער פון די שורות האָט נישט געזוכט און געבלעטערט אין אַלע געטאָ־מאַטעריאַלן איז אים נישט געלונגען ביז איצט צו געפינען עפעס וואָס זאָל אָנווײַזן אויפן אָנטייל פון די טרעגערס אין קאַמף קעגן די נאַציס, סײַ פאַרן אויפשטאַנד און סײַ בעתן אויפשטאַנד, אויסער אַ גאַנץ קליינער ידיעה בײַ ב. מאַרק, אין זיין בוך „חורבות דערציילן" וועגן אַ קליינער „ווילדער" גרופע (וואָס האָט נישט געהערט צו דער אַלגעמיינער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע) פון טרעגערס וואָס האָבן אָנטייל גענומען אינעם קאַמף בעתן אויפשטאַנד.

האָבן זיך אויך די טרעגער־אַרבעטער געלאָזט פאַרפירן פון די נאַצישע ליגנס וועגן שיקן אויף „אַרבעט" און אַזוי אַרום זענען זיי אומגעקומען צוזאַמען מיט די 6 מיליאָן ייִדן?

ביז הײַנט זענען נאָך נישט דערגאַנגען צו אונדז די מאַטעריאַלן וואָס זאָלן קענען עפעס זאָגן וועגן דער ראָל פון די טרעגערס אין דער וואַרשעווער געטאָ.

מאָטעס נאָבעל (בוענאָס איירעס)

פּראלעטארישע יוגנט

(זכרונות)

עס איז געלאָפן דאָס יאָר 1919. די מלחמה איז געווען פארענדיקט. עס איז אויפגעקומען א זעלבשטענדיק פוילן. א סך ווארשעווער פאמיליעס, וואָס האָבן צוליב דער מלחמה זיך ארויסגעצויגן אין די ארומיקע שטעטלעך, האָבן זיך אומגעקערט קיין ווארשע. דער טאטע קומט איין מאָל אהיים מיט א בשורה: ער האָט גערעדט מיט זײַנעם א באקאנטן פון וואָלינסקי 17, א שנײַדער פון מענער־מאגאזין. ער וועט מיך צונעמען אויף דער לער.

מיר וווינען אויף קארמעליצקע 4, און ביז וואָלינסקי 17 איז א טראָט פון דער היים.

אין א זונטיק אין דער פרי פירט מיך דער טאטע אוועק צום שנײַדער, אויפן ערשטן שטאָק. די טיר עפנט א דינסט. די גאנצע וווינונג באשטייט פון א קיך און 2 צימערן, א קליין פירהויז (פשעדפאָקוי) א גרויסן צימער, וואָס איז דעם מײַסטערס עס־ און שלאָף־זאל. אין דעם לעצטן צימער איז דער ווערקשטאט. דאָ ארבעטן 3 געזעלן און אויך דער מײַסטער. מיך זעצט מען אוועק אין א ווינקעלע. א נײַע וועלט הייבט זיך אָן פאר מיר צו שפינען. יעדערער איז פארנומען מיט זײַן ארבעט. דאָך שענקט מיר יעדער א פאָר ווערטער, ווי צו באגריסן דעם נײַעם לערניונג. צו די 8 טעג האָט מיך אָן ארבעטער מיטגענומען אין פאראיין פון נאָדל־ארבעטער אויף רימארסקע 2—4 מיך צוגעפירט צו 2 יוגנטלעכע, זיי זאָלן מיך פארשרײַבן אין דער יוגנט־סעקציע.

דער נאָדל־פאראיין אויף רימארסקע 2—4 איז ווי א צעזשומעטער בינשטאָק: גרויסע סאלאָנען אויפן ערשטן שטאָק, הויכע פענצטער, לאנגע בענק. עס איז אָנגערויכערט, אָנגעפאקט קאָפ אויף קאָפ. ווו א צימער, ווו א ווינקל קומען פאָר פאך־פארזאמלונגען. בלויז בײַם ארויפקומען אויף די טרעפ, רעכטס, אָפגעטיילט מיט הילצערנע באריערן, זיצן די טעכנישע סעקרעטארן און פארוואלטונגס־מיטגלידער. א גאנצע מלוכה. מען רופט פאך־קאָמיסיעס, דעלעגאטן פון ווערקשטאטן. און דער עולם דיסקוטירט, זשעסטיקולירט מיט היץ, מיט ברען. מען איז צעוואָרפן אין גרופעס, גרעסערע און קלענערע, בײַ די פענצטער, אויף די טרעפ, אויפן הויף, אויפן גאס. מען רעדט וועגן די פארשידנסטע טעמעס: וועגן אבעטספלעצער, לוינען, שיקאנעס מצד די בעלי־בתים, טיילווײַזע שטרײַקן. צו די קינדערישע 13יעריקע אויערן דערגייען אָפגעריסענע פראזעס, וואָס שפעטער באמיט מען זיך צווישן די ארבעטער אין די ווערקשטאטן און אין גאס קלאָר צו מאכן.

איך הער ווערטער:

די זיגרײַכע רוסישע רעוואָלוציע, לענין, רויטע ארמיי, מאטראָסן פון קראָנשטאט, צאר, קערענסקי, די פאָליטישע פון סיביר, ראט פון ארבעטער און פויערים, 2טער אינטערנאציאָנאל, 3טער אינטערנאציאָנאל. דאָס זענען געווען די פאָליטישע דיסקוסיעס. די פראָפעסיאָנעלע דיסקוסיעס האָבן זיך געדרייט ארום די פארשידענע פאך־קאָמיסיעס: וועגן געוויסע מיטגלידער וואָס האָבן נישט גענוג קלוג דערליידיקט א קאָנפליקט צווישן ארבעטער און בעל־הבית. און פאך־קאָמיסיעס זענען געווען גאנץ גענוג: מענער־מאגאזין, מענער־פריוואט, דאמען־מאגאזין (אָדער אָקריטשע, ווי מען האָט עס גערופן), דאמען־פריוואט, קירזשנער, היטל־מאכער, מאָדיסטקעס, ווײַסע וועש, מיליטער־ארבעט, הוטן־פוצער, אא"וו. דאָס זענען געווען די הויפטצווײַגן. עס איז די צײַט פון דעם אויפשוווּנג פון דער פראָפעסיאָנעלער ארב'־באוועגונג, וואָס צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון פוילן איז זי ארויס אויף דער לעגאליטעט. און ווי א וואסער וואַרפט אײַן א דאמבע און פליצט אריבער אלע ברעגעס, אזוי קאָכט און זידט פון פארשידענע געזעלשאפטלעכע אקטיוויטעטן.

אין פאראיין קומען צום אויסדרוק אלע פאָליטישע פארטייען, וואָס אין שטוב פלעגט מען א מאָל רעדן וועגן זיי שטילערהייט. עס שיקן די פארטייען אהער זייערע בעסטע אגיטאטאָרן, די בעסטע רעדנער. און אז מען ווערט מיד, און צו זיצן איז נישטאָ ווו, איז אנטקעגן דאָ א פלאץ וואָס טיילט אָפ רימארסקע פון סענאטאָרסקע. אויפן פלאץ איז דאָ א פאָנטאן אין דער פאָרם פון א באליִע, אָנגעפילט מיט וואסער, וואָס אויף זײַן צעמענטענעם ברעג זיצן ארום צענדליקער מענטשן. איז אָט די באליִע דאָס באליבטסטע אָרט פאר דער יוגנט. דאָ באקענט מען זיך. מען ציט ארײַן אין א קרײַזל; עס איז אלץ עפעס אזוי אנדערש, אזוי נײַ. איינער שטעלט פאָר דעם צווייטן: דאָס איז חבר בערעק, זײַט באקאנט! דארף מען געבן די האנט, זיך א ביסעלע אײַנבייגן און זאָגן דעם נאָמען. א ווארעמער ציטער לויפט דורך איבערן לײַב. און עס רעדט זיך עפעס אזוי לײַכט, ווי מען וואָלט זיך שוין געקענט לאנג־לאנג.

און אָט זענען זיי: אדעק ליכטנשטיין פון די היטל־מאכערס, א בלייך יינגל אין ברילן מיט ווײַסע מעטאלענע רעמעלעך; פראָימל פינקערט, א קליינוווּקסיקער געפאקטער יאט מיט א שארפזיניק קעפל; יולעק (יואל לאזעבניק) פון אָקריטשע — שפעטער ווער איך געוווּיר אז ער וווינט מיט מיר אין זעלבן הויף, אין טויער אויפן ערשטן שטאָק; הערשל גאָלדפינגער, אנקע קאדער, סארא עפעלבוים, עדזשע פשעטיצקי — נייטאָרינס פון ווײַסע וועש, און צענדליקער, צענדליקער יוגנטלעכע. מיט צעשטראלטע בלויע אָדער ברוינע אויגן ציִען זיי אהער פון די קעלערס און בוידעמשטיבלעך, פון די גרויסע ווארשעווער הייף מיטן גרויסן דלות, און דאָ כאפן אויף זייערע יונגע וועזנס נײַע באגריפן: דער מענטש קען אויסשמידן א נײַע וועלט, א גליקלעכע וועלט פאר אלעמען, אָן נויט, אָן ארעמקייט; און עס האָבן א ממשות די אידעען וואָס אנדערע האָבן געטרוימט און זענען געגאנגען אויף סיביר, — אָדער אויף דער תליה — די אידעען האָבן דאָך געזיגט אויף א זעקסטל פון דער ערד.

מיר צעקײַען נאָך נישט אין גאנצן די תורה, אָבער עס לאָקט אונדז דאָס אָנגעהערן צו א מחנה וואָס שאפט א נײַע וועלט. דאָס אלץ ווערט געשריבן אין די ביכער. אנדערע לייענען טאקע, קומען מיט א ביכל אונטערן אָרעם. מען נעמט עס אין דער האנט, מען לייענט איבער דאָס שער־בלאט, און עס הייבט זיך אָן א שמועס וועגן בוך, וועגן אויטאָר. אלץ אזוי נײַ. און דאָס יונגע הארץ ציט ווי די פלאנץ צו דער זון. איז מען מקנא די וואָס לייענען און ווייסן צו רעדן וועגן ליטעראטור, ייִדישער און נישט־ייִדישער.

אויף שבת ווערט גערופן א קרײַזל, טאקע אין פאראיין. מיט געדרייטע שטיגן קומט מען ארויף אין א „פאציאטקע". עס זעצן זיך ארום א טישל אזעלכע 20 אָדער 25 יוגנטלעכע. עס איז דאָ א רעפערענט, בערנהאָלץ הייסט ער. מען רעדט וועגן א ביכעלע פון

ש. דיקשטיין וואָס הייסט „פון וואָס אײנער לעבט". עס וויקלט זיך אויס אַ דיסקוסיע, און אײנער שטעלט אַ פראַגע דעם רעפערענט: איז אמת אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט? אַ קעלט לויפט מיר אַדורך איבערן לײַב, ס'ווערט מיר ענג אין האַלדז, כ'בין זיכער אַז באַלד וועט זיך דערהערן אַ דונער און דאָס גאַנצע הויז וועט אײַנגעזונקען ווערן. איך האָרך זיך אײַן אַ מינוט 3-5, דער רעפערענט ענטפערט עפּעס, עס פּאַסירט גאָרנישט. מען רעדט שוין וועגן אַ צווייטער טעמע. עס פאַלן נאָך אַנדערע פראַגעס, און עס קומען ענטפערס. מען לאַכט. ערשט ווען מיר זענען אַראָפּ אין גאַס האָב איך אָפּגעעטעמט פרײַ און טיף.

עס איז פאַרן ערשטן מײַ. אין ווערקשטאַט רעדן די אַרבעטער וועגן דער רויטער פאָן. אין פאַראײן גרייט זיך די יוגנט־סעקציע אַרויסצופירן די יוגנט צוזאַמען מיט די דערוואַקסענע. דאָס קלײנע בראָשורקעלע „פון וואָס אײנער לעבט" האָב איך ווי עס איז, אויף מײַן שטייגער, צעקײַט. עס זענען מיר צוגעקומען אַזוי פיל נײַע באַגריפן: קלאַסנקאַמף, מערווערט, נאָכפראַגע, אָנבאָט, און אַזוי פיל נײַע נעמען, קעמפערס פאַרן סאָציאַליזם.

דער טאַטע קען מיך מער נישט צווינגען כ'זאָל גײן מיט אים אין שיל דאַווענען. צוליב דעם אַנטשטײען אין שטוב אַמפּערנישן. די מאַמע, דאָס האַרציקע און צאַרטע וועזן, פאַרשטעלט און פאַרגלעט אַלץ.

אין ווערקשטאַט זינגט מען די לידער לכבוד דעם 1טן מײַ: טשערוואָני שטאַנדאַר, נאַ באַריקאַדי, דער אינטערנאַציאָנאַל, די שבועה, די מאַרסעליעזע, לידער פון עדעלשטאַט, פון באָווּשאָווער.

און אָט איז דער 1טער מײַ. עס איז אַ זויבערער מילדער הימל, די פענצטער זענען צעפּראַלטע, די שטאָט שמעקט מיט יום־טובדיקער ערנסט. עס איז אַ נײַ־דערוואָרבענער יום־טוב, וואָס געהערט די אַרבעטער. ער איז אַנדערש פון אַלע פריִערדיקע, שײנע, טראַדיציאָנעלע ימים־טובים. דערפאַר איז אַזוי אַנדערש דער טראָט, געשטרעקטער די פּלײצע, דרײסטער דער בליק. מיר מאַרשירן צום טעאַטער־פּלאַץ. רויטע פענער, טראַנספּאַרענטן, עמעצער וואַרפט לאָזונגען און די מאַסע כאַפּט אונטער „ניעך זשיִע". און לידער — אײנס באַגײַסטערטער פון צווייטן. ווי ריכטיק קלינגט דאָס ליד וואָס זאָגט „ווען דײַן שטאַרקער אָרעם וויל, בלײַבן אַלע רעדער שטיל".

אויפן טעאַטער־פּלאַץ אַ ים פון מענטשן און פענער. דער גרעסטער שטאָלץ זענען די פּוילישע אַרבעטער. מען זאָגט, זיי קומען פון די גרויסע מעטאַל־פאַבריקן. אָט זענען טראַמווײַאַזשעס און באַנאַרבעטער. ייִדישע אַרבעטער־קאָלומנעס האָבן קלײנע צוזאַמענשטויסן מיט נאַראָדאָווצעס אויף קאַרמעליצקע און לעשנע, אויף דזשיקע און נאָוואָליפּקע. די בלוטיקע 1טע מײַען מיט קרבנות זענען געקומען ערשט שפּעטער. פאַר יענער צײַט איז דאָס געווען אַן אײַנגעגעבענע 1טער־מײַ־פײַערונג, וואָס נאָכן אויסהערן די רעדעס אויפן טעאַטער־פּלאַץ זענען די קאָלומנעס אַוועק איבער פאַרשידענע קוואַרטאַלן, האָבן זיך אומגעקערט צו זייערע אינסטיטוציעס און זיך אויפגעלייזט.

אַ ריזיקע אינפלאַציע רוקט זיך אָן. די וואָך האָבן די אַרבעטער פאַרדינט צו עטלעכע טויזנט מאַרק. און מען קריגט דערפאַר זייער ווייניק. פאָדערט מען העכערונגען, קומען פאָר שטרײַקן. די בעלי־הבתים ווילן נישט נאָכגעבן, ס'ווערן געפירט פאַרהאַנדלונגען: ראָזנבוים, דער פאַראײנס־פונקציאָנער, קומט צו אונדז אין ווערקשטאַט רעדן מיטן בעל־הבית. אַ הויכער, אין אַ סקויטישן הוט, מיט דער טעקע אונטערן אָרעם, זעט ער אויס ווי אַ מיניסטער, און די אַרבעטער קוקן אים אין מויל אַרײַן. דער בעל־הבית קווענקלט זיך: די גרויסע געשעפטן פון וועלכע ער איז אָפּהענגיק ווילן אויך נישט דערלייגן. דאָך, נאָך לאַנגע פאַרהאַנדלונגען, וואָס דויערן אַ סך טעג, גיט ער נאָך. אָבער מיטן הייבן זיך פון די אַרבעטער־שכירות, מיטן שפּרינגען פון די מיליאָנען פון אַרבעטער־לוין, שפּרינגט נאָך העכער דער יקרות. און אָט שטעלט זיך ראָזנבוים אײַן אויך פאַר אַ העכערונג פאַרן לערנייִנגל. דער בעל־הבית שפּרינגט אויף: וואָס? פאַר אים אויך? יאָ, פאָטאַקעווען די אַרבעטער. ער איז אונדזערס אַ חבר.

וויפל דערהויבנקייט און וויפל דאַנקבאַרקייט עס האָט געפילט דאָס יונגע האַרץ! עס איז געווען אַזוי גוט זיך צו פילן גלײַך מיט אַלע איבעריקע. כ'האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין די לעקציע וועגן אַרבעטער־קלאַס, כ'האָב זיך דערפילט אַ קלײנער מיטגליד אין אַ גרויסער און וויכטיקער געזעלשאַפטלעכער משפּחה, וווּ אײנער נעמט זיך אָן פאַרן אַנדערן.

און ווען כ'פלעג אָפּטראָגן צוזאַמען מיטן מײַסטער די אַרבעט אין די גרויסע מאַגאַזינען, צו פאַלטענבערגן אויף שווענטאָ־יערסקע און נאַלעווקעס, אַנטקעגן קראַשינסקיס גאָרטן, אָדער צו די אַנדערע בעלי־הבתים פון שווענטאָ־קשיסקע און מאַרשאַלקאָווסקע אַנטקעגן דעם ווינער באַנהויף, פלעג איך שוין קוקן אויף זיי מיט די אויגן פון אַ באַוווּסטזיניקן אַרבעטער וואָס ווייס פון קלאַסנקאַמף. די מוטיקייט וועגן וועלכער מען האָט געזונגען אין די רעוו׳ לידער בײַ דער אַרבעט האָב איך אַרײַנגעלייגט אין די בליקן וואָס כ'האָב זיי געשיקט.

אין ווערקשטאַט ענדיקט זיך די אַרבעט. צוליבן יקרות קענען די מענטשן זיך נישט קויפן קיין בגד. דערפאַר איז דאָ אַ סך מיליטערישע אַרבעט. מען רעדט וועגן פּילסודסקיס מאַרש אויף קיִעוו, אַז פּוילן דאַרף זײַן פון ים ביז ים. אין די גאַסן באַווײַזן זי האַלערטשיקעס. מען שערט בײַ ייִדן די בערד, און מיט די בערד רײַסט מען מיט אַ שטיק פלייש. דער פאַראײן פון רימאַרסקע 2-4 לעבט איבער זײַנע לעצטע טעג. מען זעט עס אין די ערנסטע בליקן פון דער אָנפירערשאַפט. עס קומען מער נישט פאָר די שטורמישע מאַסן־פאַרזאַמלונגען. דער ברען פון די דיסקוסיעס האָט זיך ווי אָפּגעהאַקט. אַ מין פאַרטײַעטקייט און שפּאַנונג זענען אַרײַנגעקומען אינעם לעבן פון פאַראײן. דעם לעצטן אָוונט ווען מיר זענען זיך צונויפגעקומען האָט מען גערעדט וועגן פאַרשידענע פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט בנוגע דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג און דעם אַרבעטער־קלאַס אין אַלגעמײן: אַז פּילסודסקי פירט זײַן מיליטער אויף מזרח, אַז פראַנצויזישע הויכע מיליטער־שעפן בראש מיטן גענעראַל ווייגאַן באַזעצן זיך אין וואַרשע. מען האָט אויך גערעדט וועגן רײַטן און עקסצעסן פון צעבושעוועטן מיליטער, וועגן אַ פּאָגראָם אין לעמבערג. צום סוף זענען מיר, יונגע חברה אַראָפּ צום ראָג סענאַטאָרסקע, וווּ צוגעקלעפּט צום פאַראײנס־בנין איז געווען אַ רעסטאָראַן פאַר דער הויכער געזעלשאַפט און אין מיטן פון די אויסגעשטעלטע טישלעך מיט די ספּעציעלע לעמפּעלעך צווישן גרינס איז געווען אַ מין אַלטאַנע, וווּ מען האָט אַלע נאַכט געשפּילט מוזיק. מיר פלעגן זיך אַרומשטעלן אויפן גאַס אַרום דעם דראָטענעם מיט גרינע פלאַנצן דורכגעפלאָכטענעם צוים און אײַנזאַפּן אין זיך די מוזיק. אין יענער צײַט איז נאָך קיין ראַדיאָ נישט געווען און הערן גוטע מוזיק איז געווען אַ געשעעניש. דאָס איז געווען די לעצטע נאַכט אויף רימאַרסקע 2-4. אויף צו מאָרגנס איז דער פאַראײנס־לאָקאַל געשלאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פאַראײנען וואָס האָבן געבילדעט דעם קערן פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין וואַרשע און אין גאַנץ פּוילן.

ווי אַ קאָשמאַר האָט זיך אויף וואַרשע אַראָפּגעלאָזט די מלחמה וואָס פּילסודסקיס לעגיאָנערן האָבן אָנגעצונדן קעגן ראַטנפאַרבאַנד. אויסנאַם־צושטאַנד, אָבלאַוועס, עקזעקוציעס. ווי עס ווערט טונקל טאָר מען אין גאַס נישט אַרויסגײן. מיליטער־פּאַטרולן שליסן אָפּ גאַנצע קוואַרטאַלן, און פון הויף צו הויף זוכט מען דעזערטירן. און אַ דעזערטיר באַקומט טויטשטראָף. די מלחמה איז נישט פּאָפּולער בײַם פאָלק. כדי צו פאַרטומלען די סאָלדאַטן ווערט אויפגעשרויפט ביז צום העכסטן גראַד די אַנטיסעמיטישע העצע. זשיד־קאָמונאַ, זשיד־באָלשעוויק און געוויסע חוזק־לידלעך אויפן חשבון פון ייִדישן סאָלדאַט דערפירט צו מעשה יאַבלאָנע. יאַבלאָנע איז אַ מיליטערישער קאָנצענטראַציע־לאַגער, וווּהין ס'זענען פאַרשיקט געוואָרן אויסשליסלעך ייִדישע סאָלדאַטן. ספּעציעל איז דאָס אָרט באַרימט געוואָרן צוליב אַ באַן־קאַטאַסטראָפע וואָס איז בכיוון פאַרורזאַכט געוואָרן דורך דער מיליטערישער מאַכט. עס איז דעמאָלט געפאָרן אַן עשאַלאָן געפּאַקט מיט ייִדישע סאָלדאַטן. דער רעזולטאַט איז געווען צענדליקער טויטע און פאַרוווּנדעטע.

אין די ווערקשטאַטן האָט מען געאַרבעט פאַרן פראָנט. די אויסגעקעמפטע פאַראײנס־באַדינגונגען זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן, ווידער האָט מען געאַרבעט ביז שפּעט אין די נעכט, און אָפט גאַנצע נעכט, אונטערן אויסרייד אַז מען מוז ליפערן די אַרבעט. אָבער דער קאָנטאַקט פון דער יוגנט האָט טיילווײַז אָנגעהאַלטן. אין די פרײַע שעהען פלעגט מען זיך טרעפן אויף גענשע 39. אין אַ שטוב

פון אַ חבר האָט מען אַפילו געגרינדעט אַ דראַמאַטישן קרייַז און מיט פרימיטיווע מיטלען דורכגעפירט עטלעכע איינאַקטערס.

דער הויכפונקט פון די געשעענישן איז געקומען ווען די רויטע אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו די טויערן פון וואַרשע. די רעגירונג האָט צוזאַמענגענומען יונג און אַלט און אונדז אַוועקגעפירט גראַבן אָקאָפעס. אונדזער סעקטאָר איז געווען גראָכאָוו.

דערנאָך איז געקומען די ידיעה אַז דער קאָמבינירטער פראַנצויזיש־ענגלישער גענעראַל־שטאַב האָט מיט נאָרדאַמעריקאַנער הילף דורכגעבראָכן דעם פראָנט פון דער רויטער אַרמיי. עס האָט באַקומען דעם באָמבאַסטישן נאָמען „צוד נאַד וויסלאָן"" — דער נס בייַ דער ווייַסל.

נאָכן שליסן דעם שלום איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער אויסנאַמס־צושטאַנד, און ביסלעכווייַז האָט צוריק אויפגעטויכט די אָרג' אַרב'־באַוועגונג. דער נאָדל־פאַראיין האָט זיך געעפנט אויף לעשנע 1. ווידער איז דאָ אַ יוגנט־סעקציע בייַם פאַראיין. מיט פרייד האָבן מיר זיך אומגעקערט צו דער אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן געפילט אין זיך כוחות פאַר נייַע אַרבעטן. עקאָנאָמיש האָט אָנגעהאַלטן אַ דעפרעסיע. מען אַרבעט קורצע סעזאָנען, די בעל־הבתים צאָלן מיט וועקסלעך. דאָס איינציקע מיט וואָס דער אַרבעטער האָט געקענט ענטפערן זענען געווען שטרייַקן. און שטרייַקן זענען פאָרגעקומען מעכטיקע, דאָס לאַנד איז געווען אויפגערודערט, דער פּראָלעטאַריאַט פון די גרויסע שטעט, דאָס פאַראָרעמטע פויערטום, די באַפעלקערונג פון די קרעסן האָבן געקעמפט, און די רעגירונג האָט געטאָן אירס. זי האָט גענוצט פּאָליציי, געריכטן. עס האָבן געאַרבעט די רעאַקציאָנערן, דער קלער, די גאַנצע פאַשיסטישע, אַנטיסעמיטישע מאַשין, עס האָט זיך באַוויזן גראַבסקים עגלה וואָס פלעגט צונעמען אַפילו די שטוב־בעבעכעס פאַר נישט־געצאָלטע שטייַערן.

איינע פון די גרופּעס „משהלעך" מיטן לערער זאָלאָטאָוו

טראָץ דעם עקאָנאָמישן און פּאָליטישן אָנגריף מצד דער שוואַרצער ענדעציע האָט אויפגעלעבט אַ געזעלשאַפטלעך־קולטורעל יידיש לעבן. און וואַרשע איז געוואָרן דער צענטער פון שולן, צייַטונגען, טעאַטער און ליטעראַטור און פון צענדליקער אַנדערע פאָרמען פון יידישער קולטור־טעטיקייט אין דעם נאָכמלחמהדיקן פּוילן. אָבער צוזאַמען מיט דעם זענען געווען תפיסות וווּהין עס זענען אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן די בעסטע זין וואָס האָבן געחלומט און געקעמפט פאַר אַ פרייַ און אַנטיפאַשיסטיש פּוילן.

מיר גרינדן דעם קרייַז „דעבס" (אויפן נאָמען פון נ'־אַמעריקאַנער אַנטימלחמה־קעמפער יודזשין דעבס), אָנגעפירט פון מענדל סקראָבעק. מיר פאַרזאַמלען זיך אַלע שבת אין דער פרי אין פאַפּיר־פאַראיין אויף פאַוויע 16. עס קומט אַ געמישטער עלעמענט, נישט בלויז נאָדל־יוגנט נאָר פון אַנדערע פאַראיינען אויך. מען גייט אַדורך דעם „ערפורטער פּראָגראַם" און אַ קורס וועגן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם.

אַ געפיל פון ליבע און פאַרערונג רופט אַרויס צו זיך מענדל סקראָבעק. שוין זייַן אָנטאָן זיך — אַ טונקל־גרויער אָנצוג, אַ ווייַס העמד און אַ שוואַרצער קאַפעלוש, ציכטיק און שטענדיק מיט אַן איידעלער באַנעמונג — גיט אונדז דעם טאָן ווי אַזוי אַ יוגנטלעכער אַרבעטער דאַרף זיך האַלטן. און אויפן זעלבן אופן באַגייַסטערט אונדז זייַן חברטע סאַראַ. דאָס איז גורם צום שאַפן זיך אַ ביסל שפּעטער פון אַ האַרציקער גרופּע יוגנטלעכע אונטערן פּסעוודאָנים „משהלעך". דערווייַל קומען מיר זיך צוזאַמען בייַ חברים אויף קליינע ליאַמעס, און די יוגנטפרייד לאָדן מיר אויס צום בעסטן אין פאַרטאָגס אויף „מייַיִוועקעס" אָדער אין לאַנגע שפּאַצירן צום סקאַרשעווסקי־פּאַרק אויף יענער זייַט ווייַסל, אין פּראַגע. אין די לאַנגע ווינטערנעכט איז געווען אַ ספּאָרט צו גיין אויף גאַפּע אין דער אָפּערע. ד"ה קויפן 3 בילעטן און אַרייַנפירן ביז 15 אָדער 20 חברה.

די זעלבע גרופּע „משהלעך" הייבט אָן צו נעמען פּריוואַטע לעקציעס בייַ זאָלאָטאָוון, אַ לערער מיט אַ סך וויסן. ער עפנט פאַר אונדז אויף דעם פאָרהאַנג פון דער וועלט־ליטעראַטור, פון דער וויסנשאַפט, פאַרשטייט זיך אויף וויפל עס איז צוגענגלעך פאַר אַ יוגנט וואָס הייבט ערשט אָן זעלבסטבילדונג.

אין די טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען, מיט וועלכע אונדזער יוגנטוועלט איז געווען אויסגעפילט, האָט אָנגעהויבן אַרייַנדרינגען אַ נייע און הייסע דיסקוסיע וואָס איז אין משך פון אַ קורצער צייַט געוואָרן אַן אינטערנאַציאָנאַלער פּראָבלעם: דאָס זענען געווען די 21 פונקטן פון 3טן אינטערנאַציאָנאַל, צוגעשטעלט צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ווי אַ באַזע פאַר אַ פאַראייניקונג: אומעטום האָט מען וועגן דעם דיסקוטירט, אויף פּשעיאַזד 9, ווו דער „בונד" האָט געהאַט זייַן קיך, אויף קאַרמעליצקע 23, ווו די פ"צ האָבן געהאַט זייער קיך, בייַ די „פאַראייניקטע" אויף לעשנאָ 49, אין אַלע פּראָפ'־פאַראיינען. פאַקטיש איז עס געגאַנגען וועגן דער שטעלונג צום רוסישן פּראָלעטאַריאַט און צו זייַן זיגרייַכער רעוואָלוציע. אויף די שפּאַלטן פון די בונדישע „לעבנס־פראַגן" האָט באַהאַנדלט די 21 פונקטן דער טעאָרעטיקער וולאַדימיר מעדעם און אָנגעוויזן אַז דער יידישער פּראָלעטאַריאַט קען אָננעמען בלויז 16 פונקטן. אים האָט געענטפערט מיט ברען קלמן קאַמאַשנמאַכער, אָנווייַזנדיק אַז מען דאַרף אָננעמען 15 ½ פונקטן. בלויז די אָנהענגערס פון אַלע 21 פונקטן האָט מען אין גאַנצן נישט געלאָזט קומען צום וואָרט און זיי האָבן זיך געמוזט באַדינען מיט ספּעציעל אַרויסגעלאָזטע בלעטלעך.

אונדזער אַרבעטער־יוגנט, וואָס אין איר גרעסטער מערהייט האָט זי נישט דורכגעמאַכט קיין סיסטעמאַטישע שול מחמת די יאָרן פון מלחמה איז צוגעפאַלן ווי אַ דורשטיקע צום קוואַל

פון וויסן און בילדונג. דערפאַר אַזאַ ערנסטקייט אויף די קרייַזלעך, אַ פאַראַכטונג צו יוגנטלעכע וואָס גייען טאַנצן. דאָס זעלבע צו מיידלעך וואָס שמירן די ליפּן און די נעגל. דער מוסטער איז געוואָרן ווי שוין איין מאָל דערמאָנט, די גרופּע „משהלעך" אָנגעפירט פון זאָלאָטאָוו: דער הילוך איז געווען טונקעלע אָבער ריינע קליידער, אַ ווייַס קעלנערל און אַ ביכל אונטערן אָרעם. דער באַליבטסטער טרעפפּונקט איז געווען אויף די אָוונטקורסן פון שווענטאָיערסקע 32, וווּ עס האָט בייַ טאָג פונקציאָנירט אַ גימנאַזיע. די גרופּע איז באַשטאַנען פון די שוועסטער סאַראַ און גוטשע אַפּעלבוים, עדזשיע און הנהלע פּשעטיצקאַ (היינט אין מאָנטעווידעאָ), די שיינינקע רוזשקע פּרילינג, בראָנקע זויבערמאַן, פּעלע ווייַנרייַך, מאַטעס בער נאַבעל און נאָך אַ פינף אָדער זעקס יוגנטלעכע.

דאָ אויף די אָוונטקורסן, אויף שווענטאָיערסקע 32, האָבן זיך אין די פרייע שעהען נאָך די לעקציעס פון געשיכטע, נאַטורוויסנשאַפט, ליטעראַטור און אַריטמעטיק — ספּעציעל אין די שבת־טעג — פאָרמירט די דיסקוסיעס פאַר אָדער קעגן די 21 פּונקטן. אָבער 90 % פון די יוגנטלעכע זענען מיטגעריסן געוואָרן מיטן ברייטן שווּנג פון די אַרגומענטן וואָס זענען אויסגעוויקלט געוואָרן מצד די לערערס זאָלאָטאָוו, פייַנזילבער, קאַפּלאַן, וואָס איז געווען אַ סטודענט פון אוניווערסיטעט, און מצד דעם הינקעדיקן לערער יוליאַן. עס האָבן דעמאָלט אויפגעטויכט אין לויף פון די דיסקוסיעס יוגנטלעכע אַרבעטער מיט שאַרפע צינגער, ווי אַדעק ליכטנשטיין, גיטעלע ראַפּאָפּאָרט, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס פון פּאַוויאַק, הערשל גאָלדפינגער, פראַימל פינקערט, און פיל אַנדערע צענדליקער יוגנטלעכע וואָס האָבן דורכגעפירט שליחותן אין די פּראָווינצשטעטלעך כדי צו געווינען די יוגנט.

עס איז געשאַפן געוואָרן די קאָמצוקונפט. פאַרשטייט זיך אַז באַלד האָט די פּאָליציי פונאַנדערגעטריבן די קורסן פון שווענטאָיערסקע 32, אָבער אין געראַנגל פאַר לערנען האָבן מיר געעפנט אָוונטקורסן אויף נאָוואָליפּקע 68, אויפן 3טן שטאָק, וווּ עס האָט בייַ טאָג פונקציאָנירט אַ פאָלקסשול. אָבער נאָך אַ פּאָר מאָנאַט טעטיקייט האָט מען אונדזערע אָוונטקורסן ווידער פאַרמאַכט. דעמאָלט האָבן מיר ערשט דערפילט דעם טעם פון באמת אומלעגאַלער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. עס איז אַנטשטאַנען אַ נייע פאָרעם פון קרייַזלעך׳און פּאָדפּונקטן, נייַע אויפגאַבעס. מען האָט באַדאַרפט צעפירן די אומלעגאַלע ליטעראַטור, צענדליקער חברים פלעגן דערבייַ אַרייַנפאַלן און קריגן טורמעשטראָפן ביז 8 יאָר. מיר האָבן אָנטייל גענומען אין גרויסע שטרייַקן און מאַניפעסטאַציעס, מיר האָבן געדאַרפט אויסטיילן פון זיך אַ רעפערענטן־קרייַז, וואָס זאָל ברענגען דאָס וואָרט פון דער אָרגאַניזאַציע און איר פּאָליטישע אָריענטאַציע פאַר די קרייַזן פון ווארשע און פון הינטערשטאָטישן ראַיאָן אויף דער באַזע פון די באַשטעטיקטע טעזיסן. עס זענען אויסגעבויט געוואָרן רעפעראַטן און מיט די רעפעראַטן פלעגט מען אַרומפאָרן איבער די הינטערשטאָטישע ליניעס, ווי גריציע־גער, זשיראַרדאָוו, פּאַלעניץ אָטוואָצק, ביז קאַלושין. צווישן די פאַרשידענע טעזיסן אויף אַקטועלע טעמעס האָבן מיר אויך באַאַרבעט אַ רעפעראַט אד"ט „רעליגיע־אָפּיום פאַרן פאָלק". צו די שענסטע קאַפּיטלען אין אונדזער טעטיקייט האָבן געהערט דאָס קלעפּן בלעטלעך און דאָס הענגען פענער אויף די טראַמוויידראָטן. אין גרופּעס צו 6 אָדער 8, שאַפנדיק אַ שוץ פאָרויס און פון הינטן, גייען די קלעפּער פון גאַס צו גאַס און די איינציקע האַסלע איז אַ הוסט אָדער אַ שטילער פייַף. דאָס זעלבע קומט פאָר, נאָר מיט מער עפעקט, בייַ אויפהענגען אַ פאָן מיט פּאַסיקע צייַטלאָזונגען. אין דעם פלאַטער פון דער רויטער פאָן אין מיטן גאַס אויפן טראַמוויידראָט איז דאָ אַן אָנזאָג אַז די אָרגאַניזאַציע לעבט טראָץ דער אומלעגאַלקייט.

דאָס אויפהענגען די פאָן קומט פאָר אויף אַזאַ אופן: מען וואַרפט אַריבער אַ שטיינדל מיט אַ צוגעפעסטיקטן שטריקל איבער דעם טראַמוויידראָט. אויף דעם צווייטן ברעג שטריקל איז צוגעפעסטיקט די פאָן מיט אַ זשאַבקע, וואָס האָט פיר האַטשיקלעך אין דער פאָרעם פון אַנקערס. איינער פון די האַטשיקעס פאַרכאַפּט דעם דראָט. מען גיט אַ צי דאָס שטריקל און עס רייסט זיך איבער, און די פאָן בלייַבט הענגען. יאַטן ציִען אָפּ, איינער שטייט פון דער ווייַטנס אויף אָבסערוואַציע.

דערווייַל ווערט אַ קאָך אין גאַס, מען לויפט צו וויסן געבן דעם נאָענטסטן פּאָליציאַנט, עס ווערט אַרויסגערופן דער ספּעציעלער

וואָגן צו פאַרריכטן די עלעקטרישע דראָטן, די טראַמווייַען בלייַבן שטיין און די מענטשן גייען אַראָפּ אַ קוק צו טאָן וואָס עס איז געשען. לייענט מען איבער די אויפשריפטן אויף דער פאָן. די פּאָפּולערסטע לאָזונגען זענען געווען: ברויט און אַרבעט, אַמנעסטיע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, קעגן די שטראָף־באַטאַליאָנען אויף די קרעסן, אאַ"וו.

מייַן שוועסטער נאָמטשע איז געווען ייִנגער פון מיר מיט 2 יאָר. זי איז אַוועק אַרבעטן אין אַ ווערקשטאַט פון שטריקערפאַך, און אַרייַנגעטראָטן אין אַ גרופּע בייַם זעלבן פאַראיין.

אומגעריכט האָב איך זיך איין מאָל אין אַן אָוונט אין דער היים אָנגעטראָפן ווי מייַן שוועסטער נעמי האָט אין קיך געגרייט, צוזאַמען מיט אירע חברים, קעסלעך קליי. עס איז פאַר מיר געווען אַ פרייִדיקער סורפּריז וואָס מייַן שוועסטער געהערט אויך צו אַ יוגנט־גרופּע. האָבנדיק אַ פרייַען אָוונט האָב איך זיי באַגלייט אין גאַס צו קלעפּן. מיט אַן ענטוזיאַזם וואָס איז שטענדיק אייגן דער יוגנט האָט זי זיך אַרייַנגעוואָרפן אין דער אַרבעט. אַזוי זענען אַדורך 2 יאָר פון פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבעס און פּרעכטיקע אויספלוגן.

אָט די נאָמטשע מיט אירע 18 יאָר, שלאַנק און בלאָנד, מיט הימל־בלויע אויגן און ראָזע בעקלעך, די צעפּ פאַרקעמט אין אַ קייַשעלע איבערן קאָפּ, איז קראַנק געוואָרן אויף דער פּראָלעטאַרישער קרענק טובערקולאָז. נאָכן אָפּליגן אַ צייַט אין שפּיטאָל אויף טשיסטע איז מייַן שוועסטער נעמי געשטאָרבן. די יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט גערופן אירע מיטגלידער צו דער לוויה און עס איז געשען אַ זאַך וואָס האָט זיך כמעט נישט פּראַקטיצירט אויף ייִדישע לוויות: די אָרגאַניזאַציע האָט געשיקט בלומען. און ווען דער צוג האָט גערירט פון טשיסטער שפּיטאָל, דורכשנייַדנדיק פּלאַץ קערצעלי, האָט זיך דער בעל־עגלה פאַרנומען מיטן אָקאָפּ צום ייִדישן בית־עולם פון גענשע. דאָ זענען צוגעשפּרונגען יוגנטלעכע, האָבן פאַרהאַלטן די פערד און געפאָדערט בייַם בעל־עגלה, ער זאָל שנייַדן מיט לעשנע און דורכפאָרן דעם טעקסטיל־פאַראיין פון קאַרמעליצקע 15. אויף זייַן אָפּזאָג האָט אים חברה פשוט אַראָפּגעשטופּט פון וואָגן און די לייצעס האָט איבערגענומען דער חבר פּאַנטשאַק (היינט אין בוענאָס־איירעס), און צוגעפירט די עגלה צום טעקסטיל־פאַראיין. פאַרשטייט זיך אַז אויפן פעלד איז שוין געווען פול מיט פּאָליציי. אויסער די פאַמיליאַרן און גאָר נאָענטע חברים איז קיינער נישט צוגעלאָזן געוואָרן צו דער באַערדיקונג.

דאָס טאָג־טעגלעכע אָנוואַקסן פון נייַע פּראָבלעמען האַלט געשפּאַנט דעם יוגנטלעכן. עס ווילט זיך אַרומנעמען ברייט דעם גאַנג פון לעבן. עס פילט זיך אַ מאַנגל אין וויסן. דערצו קומט די פּלאָג פון אַרבעטסלאָזיקייט. און אַז מען קריגט שוין אַרבעט איז עס אויף קורצע סעזאָן־טערמינען. פון אַלע שטעט און שטעטלעך אַרום קומען יונגע מענטשן קיין ווארשע. אָבער פון ווארשע צעפאָרט מען זיך, איבער הויפּט קיין פּאַריז אָדער אין די אַמעריקאַנער לענדער. אונדזער בערזע אויף „לעשנע", צווישן קאַרמעליצקע און פּשעיאַזד. אין יעדער פרייַער שעה, בייַ טאָג צי בייַ נאַכט, זומער צי ווינטער, אונטער אַלע וועטערן, איז עס געווען אונדזער נישט־געדונגענער ערנקלוב. אויף די 200 מעטער גאַס פלעגט מען זיך באַגריסן בלויז מיט אַ בליק. עס האָבן אַ פלעמל געטאָן די אויגן און אַרום די ליפּן האָט זיך געוויזן אַ קוים מערקבאַרער שמייכל. און אַז אַ חבר איז אַרויס פון תפיסה און האָט דורכגעשפּאַצירט די לעש, פלעגן בלויז די אויגן אויסדערציילן די פאַרערונג און די באַגריסונגען. דאָ אויף דער לעשנע בעתן גיין הין און צוריק אָדער — אין דער צייַט פון אַ רעגן — בייַם פאַרהאַלטן זיך אין די טויערן, זענען אָנגעקומען און אָפּגעגעבן געוואָרן דירעקטיוון. פון דאַנען איז מען געגאַנגען צו פּאָדפּונקטן, צו אָפּנעמען און פאַרטיילן ליטעראַטור. דאָ זענען אָפּגערעדט געוואָרן אויספלוגן און מאַניפעסטאַציעס און פון דאַנען פלעגן זיך פאָרמירן שפּאַצירן צו דער ווייַסל אָדער אין סקאַרשעווסקי־פּאַרק. און דאָ בייַ דער ווייַסל, פרייַ פון אַ פרעמדן אויג, בייַ די פייַערלעך וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין וואַסער, האָט די יונגע פאַנטאַזיע אַוועקגעטראָגן צום פרייַען און נייַעם פּוילן וואָס וועט קומען. און אַלע, אַלע זענען זיכער אַז

מיר וועלן עס דערלעבן, אַז אָט־אָט, מיטן האַנט צו דערלאַנגען, זענען די סמנים פון דער אָנקומענדיקער רעוואָלוציע. און חברה אַ מאָל צו 15 אָדער 20 יאַטן, נעמען פון באַגײַסטערונג שטיל, שטיל, זינגען אַ ליד, אָדער אַ חברטע זינגט פון די נײַע לידער וואָס דער פּוילישער פּראָלעטאַריער האָט געשאַפן. זייער פּאָפּולער זענען פּאַראַדיעס אויף פּאָפּולערע מאָטיוון.

ארויסקומענדיק איין מאָל אויף לעשנע, מעלדעט מען מיר אַז כ'בין באַשטימט ווי אַ דעלעגאַט פון דער יוגנט־סעקציע בײַם נאָדל־פאַראיין צום צוזאַמענפאָר פון האַרצעזש וואָלני. דער האַרצעזש וואָלני איז געווען אַ סטודענטיש־סקויטישע אָרג' אונטער דער השפעה פון פּפּ"ס, אָבער דער אויפשוווּנג פון פּאָליטישן באַוווּסטזײַן האָט ביסלעכווײַז צוגעגרייט דעם באָדן פאַר אַ לינקער אָריענטאַציע פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. און איצט גרייט זיך זייער קאָנגרעס, האָבן זיי באַשלאָסן קעגן די שטימען פון פּפּ"ס אײַנצולאָדן פאָרשטייערס פון די יוגנט־סעקציעס ביי די פּראָפ' פאַראיינען.

אין אַ פּרעכטיקן זומערדיקן זונטיק זענען מיר ארויסגעפאָרן קיין קאַטשע־דול. טיף אין וואַלד איז געשטאַנען אַ פּפּ"סישע קינדער־קאָלאָניע. באַלייגט די קרעדענציאַלן, נעמען מיר זיך ארומקוקן, אַ סך באַקאַנטע און נאָענטע פּנימער. פון נאָדל זענען מיר געווען גוטעק (סטאַך) און איך, ראַמעט און מאיר פון לעדער, איטשע (דער שוואַרצער) און נאָך אַ חבר פון מעטאַל, חיים און לייבעלע פון טעקסטיל, יוגנטלעכע פון האָלץ־ און האַנדלס־אָנגעשטעלטע, פּוילישע יוגנטלעכע פון זייערע פּראָפ'פאַראיינען, פאַכן ווו קיין ייִדישער אַרבעטער זענען נישט געווען פאַרטראָטן. אָט דער אימפּאָזאַנטער עולם פון פּוילישער אַרבעטער־יוגנט און סטודענטן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם קערן פון וואָלני־האַרצעזש. נאָכן פײַנעם מיטאָק ווערן מיר פאַרבעטן אין וואַלד, ווו אויף אַ פרײַען פּלאַץ ארום אַ צעלייגטן פײַער הייבן זיך אָן די זיצונגען פון קאָנגרעס. עס קומט די טענה מצד די רעכטע גרופּירונגען פאַר וואָס מען האָט אײַנגעלאַדן פאָרשטייערס פון די יוגנט־סעקציעס. און עס אַנטשטייט אַ לײַדנשאַפטלעכע דיסקוסיע. מיט אַ מערהייט ווערט באַשטעטיקט אַז מען דאַרף פריִער ווילן אַ פאָרזיצער פון קאָנגרעס. עס זענען דאָ 2 קאַנדידאַטן — אַ פּפּ"סאָוויעץ און אַ פאָרשטייער פון פאַרבאַנד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט. מיט אַ גאָר גרויסער מערהייט ווערט אויסגעוויילט ווי אַ פאָרזיצער דער יוגנטלעכער פון דער קאָמוניסטישער גרופּירונג. דאַן הערט זיך אַ שאָס און עס נעמען זיך איבעררופן פייפלעך אין וואַלד. מיט שטוינונג דערזעען מיר זיך ארומגערינגלט פון פּאָליציי מיט געווער אין האַנט. מיר הייבן אָן לויפן צו דער קינדער־קאָלאָניע, אָבער מיר זענען ארומגערינגלט פון אַלע זײַטן. דער גאַנצער קאָנגרעס ווערט אַרעסטירט. אויף צו מאָרגנס פירט מען אונדז מיט לאַסטוועגענער אין דער באַרימטער דעפענסיווע פון דאַנילאָוויטשעווסקע. מיר טרעפן זיך דאָרט מיט נאָך חברים פון דער יוגנט און מיר ווערן געוווּיר אַז נעכטן זונטיק איז דורך די פּפּ"סישע באָיוּווקעס דערמאָרדעט געוואָרן אויף לעשנע־גאַס דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־טוער וויקטאָר ביאַלי.

נתן ראַדזאַנאָווסקי (בוענאָס־איירעס)

וואַרשעווער יידישער טעקסטיל־אַרבעטער־פאַראיין

זייענדיק אַ שטריקער־אַרבעטער און אַן אַקטיווער טוער אין טעקסטיל־פאַראיין זינט זיין אָנהייב ביז זיינע בלייאָרן פיל איך ווי מיין חוב צו שרייבן אין פנקס־וואַרשע וועגן דעם וואָס די יידישע טעקסטיל־אַרבעטער האָבן געשאַפן. געוויס וועט עס נישט זיין קיין פולקאָמע געשיכטע פונעם וואַרשעווער יידישן טעקסטיל־אַרבעטער־פאַראיין. אַלץ וואָס איך וועל דאָ אַרויסברענגען וועט זיך שטיצן בלויז אויף מיין זכרון, און ביים דערמאָנען חברים אַקטיוויסטן וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין די אַרבעטן פונעם טעקסטיל־פאַראיין ביזן יאָר 1923 איז מעגלעך אַז איך זאָל אַרויסלאָזן די נעמען פון אייניקע חברים. זאָלן זיי מיר דערפאַר מוחל זיין, ווייל איך טו עס אָן שלעכטע כוונות. איך האָב זיי פשוט נישט געדענקט אָדער פאַרגעסן זייערע נעמען.

די אַנטוויקלונג פון טעקסטיל־פאַראיין האָט זיך אָנגעהויבן, לויט ווי איך געדענק, אין די יאָרן 1908—1909. עס האָבן זיך צונויפגערעדט אייניקע באַוווּסטזיניקע אַרבעטער און געגרינדעט אַ בירזשע. יעדע בראַנזשע האָט געהאַט איר בירזשע אויף אַן אַנדער גאַס, אַזוי צ״ב האָבן די שטריקער געהאַט זייער ערשטע בירזשע אויף שמאָלע־מילע ביז דזשיקע (וועגן אַ לעגאַלן פאַראיין האָט מען אונטערן צאַריזם אפילו נישט געחלומט.) אויף דער בירזשע האָבן זיך די שטריקער־אַרבעטער געטראָפן יעדן אָוונט, און שפּאַצירנדיק הין און צוריק האָט מען באַהאַנדלט די פאַכפראַגעס און די פאַבריק־געשעענישן. צוליב זיכערהייט פלעגט מען אָפט טוישן דאָס אָרט פון דער בירזשע, אַזוי צ״ב האָבן די שטריקער זייער בירזשע איבערגעטראָגן פון שמאָלע־מילע אויף מוראַנאָווסקע, נאָכדעם אויף דזשיקע און שטשענשליווע ביז סטאַווקע. דאָס זעלבע האָבן געטאָן די איבעריקע טעקסטילפאַכן. די בירזשעס זענען דעמאָלט געווען די פאַכפאַראיינען, און פון די בירזשעס פלעגן אַרויסקומען טיילווייזע און אויך אַלגעמיינע שטרייקן. פון די בירזשעס האָבן די פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטייען ווערבירט זייערע מיטגלידער און געזוכט וואָס מער זיי צובאַהערשן, און דערפאַר זענען די בירזשעס געווען דער פונדאַמענט פון די שפּעטער גרויסע יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען.

ווי שוין געזאָגט, פלעגן פון די בירזשעס אַרויסקומען פאַכשטרייקן. אַזוי דערמאָנט זיך מיר אַ שטרייק פון די שטריקער־אַרבעטער, וועלכער האָט אָנגענומען אַ שאַרפע פאָרעם: היות דער שטרייק האָט זיך פאַרצויגן, האָבן די פאַבריקאַנטן געדונגען יידישע אונטערוועלט־מענטשן צו טעראָריזירן די שטרייקער. כאָטש די פאַבריקאַנטן זענען געווען יידן, האָט דאָס נישט געשטערט אַז זיי זאָלן אָנווענדן אַלע מיאוסע מיטלען. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט אַז די אַרבעטער האָבן געמוזט אָננעמען מיטלען קעגן די אונטערוועלט־מענטשן, מען האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט אַנדערע פאַכן, און אַ גרעסערע גרופּע אַרבעטער זענען באַפאַלן אַ „קאַוויאַרניע״ (קאַפע) וווּ עס זענען זיך צונויפגעקומען די אונטערוועלטניקעס, און מען האָט זיי גוט אָנגעבראָכן די ביינער. אויף צו מאָרגנס זענען זיי געקומען צו אונדז און צוגעזאָגט אַז זיי וועלן זיך שוין מער נישט לאָזן פאַרפירן פון די פאַבריקאַנטן, און דערביי צוגעוואָרפן אויף די פאַבריקאַנטנס חשבון אַ בינטל קללות לויט זייער שפּראַך. אָבער די פאַבריקאַנטן האָבן נישט אויפגעגעבן זייער קאַמף קעגן די אַרבעטער, דערגייענדיק צו פּאָליציי־מסירות, לויט וועלכע צוויי אַרבעטער זענען אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אין סיביר, ביז די רוסלענדישע אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט זיי באַפרייט (ווי איך געדענק, האָט איינער פון זיי געהייסן שייקע). אַזוי האָבן די בירזשעס עקסיסטירט ביז 1915, ווען וואַרשע איז אָקופּירט געוואָרן דורכן דייטשן מיליטער.

באַלד ווי די דייטשן האָבן פאַרנומען וואַרשע, זענען זיך די אַלע בירזשע־אַקטיוויסטן — אַ גרויסער טייל פון זיי זענען שוין געווען מיטגלידער פון די פּאָליטישע אַרבעטער־פּאַרטייען — צוזאַמענגעקומען און באַשלאָסן צו גרינדן אַן אַלגעמיינעם טעקסטיל־אַרבעטער־פאַראיין. אויב מיין זכרון נאַרט מיך נישט —, זענען צווישן די גרינדערס געווען פאַרטראָטן לויט די פאַכן די וויטער־דיקע חברים: פון די שמיקלער: שימחה שמיקלער און לאָזער, מאָיסע, מענדל מאַרזשאַן. פון שטריקער: דער שוואַרצער אַבע, חנה, שמערל, שוואַרצער נתן, יודל פּאָרמאַן און יצחק יאַקובאָוויטש. פון זאָקן: יעלען און יחיאל בראָן. פון העפטער: נח, דער הויכער מלך און מלך עסדעק. (מלך פיינקינד, אומגעקומען בעתן אויפשטאַנד אינעם וואַרשעווער געטאָ. געווען דער פירער און אָרגאַניזאַטאָר פון די ווידערשטאַנד־גרופּעס פון די לינקע פּועלי־ציון).

די יידישע טעקסטילער אין וואַרשע האָבן נאָך נישט געקאָנט צונויפנעמען די קליינע פּאָר מאַרקן צו דינגען אַ דירה פאַרן פאַראיין (ס׳איז דעמאָלט נאָך גילטיק געווען דאָס געזעץ, אַז משפּחות פון „רעזערוויסטן״ צאָלן נישט קיין דירה־געלט, האָט מען פאַר עטלעכע מאַרק געקאָנט באַקומען אַ דירה.) האָבן מיר די זיצונגען געהאַט אין פּריוואַטע שטיבער. די ערשטע זיצונגען זענען פאָרגעקומען ביי דעם חבר חנה שטריקער אויף סטאַווקע 31, אין אַ קליין צימערל ווו עס זענען נישט געווען קיין בענקלעך צו זיצן. מיר זענען איינפאַך געזעסן אויפן פּאָל אָן גאַז אָדער עלעקטרע, ביי אַ נאַפטלעמפּל, האָבן מיר באַשלאָסן די גרינדונג פון דעם טעקסטיל־פאַראיין. די פריער אויסגערעכנטע חברים האָבן זיך דערקלערט אַלס גרינדונגס־קאָמיסיע און מ׳האָט גלייך זיך גענומען פאַרטראַכטן עפּעס צו טאָן, וועגן אויסבעסערן אָדער פאַרלייכטערן די שווערע לאַגע פון די טעקסטיל־אַרבעטער. ווייל מיטן אַריינקומען פון די דייטשן האָט זיך אָפּגעשטעלט יעדע אינדוסטריע, אַזוי אַז דער הונגער האָט אָנגעהויבן צו הערשן אין די אַרבעטער־שטיבער. אונדזער קאָמיסיע האָט זיך פאַרשטענדיקט מיט די דאַן געגרינדעטע אַרבעטער־קיכן (געגרינדעט פונעם „בונד״, די מערהייט פון אונדזער קאָ־

מיסיע זענען שוין דעמאָלט געווען אונטער דער בונדישער ווירקונג.) וואָס האָבן אונדז צוגעשטעלט אַ צאָל באַנעס אויף ביליקע און אומזיסטע מיטאָגן, און דאָס האָט אַ ביסל דערלייַכטערט די הונגער־לאַגע פון אַ גרעסערער צאָל אַרבעטער־משפחות.

דאָס קומען אין קאָנטאַקט מיט גרויסע צאָלן אַרבעטער האָט צוגעהאָלפן אַרייַנצוציִען וואָס מער מיטגלידער אין פאַראיין. מיט דער צייַט האָבן מיר זיך איבערגעטראָגן אין דער וווינונג פון אַ צווייטן חבר אויף פאַוויע 48 אָדער 50. די אָרגאַניזיר־אַרבעט איז אָנגעגאַנגען מיט אַזאַ פאַרשטאַרקטן אָטעם, אַז באַלד האָבן מיר געמוזט זוכן אַ גרעסערע דירה. מיר האָבן דעמאָלט צוזאַמען מיט דער פאַפיר־בראַנזשע געדונגען אַ גרויסע דירה פון עטלעכע צימערן אויף פאַוויע 16, און דאָ האָט זיך שוין אָנגעהויבן די צוגרייטונג צו דער ערשטער אַלגעמיינער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם גרויסן סאַלאָן פון דער ייִדישער גמינע אויף גזשיבאָווסקע 26, אויף דעם ערשטן שטאָק. עס מוז דערמאָנט ווערן דער פאַקט, אַז די פאַרזאַמלונג איז געווען אַ איבעררַאַשונג פאַר דער איניציאַטיוו־קאָמיסיע, דער זאַל איז געווען איבערפולט מיט טעקסטיל־אַרבעטער, וועלכע האָבן מיט ענטוזיאַזם אויפגענומען די גרינדונג פונעם ערשטן ייִדישן טעקסטיל־אַרבעטער־פאַראיין אין וואַרשע. ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן די ערשטע פאַרוואַלטונג פון 11 מאַן, צוזאַמענגעשטעלט פון די ווייַטערדיקע פאַכן; שמיקלער — די חברים שימחה, לאָזער און מאָיסע. שטריקער — אַוורעמל שטריקער, אַבע פלוג און נאָך איינער וועמענס נאָמען איך געדענקט נישט. פון זאָקן — יחיאל בראָן, משה יעלען. פון העפטער — מלך און נאָך איינער, און אין פאַרטרעטערשאַפט פון די פרויען איז געוויילט געוואָרן אַ חברטע וועמענס נאָמען איך האָב פאַרגעסן. אַלס ערשטער פאָרזיצער פונעם פאַראיין איז באַשטימט געוואָרן דער ח' אַוורעמל שטריקער. צום באַדויערן האָט ער לאַנג נישט געקאָנט אָנהאַלטן דעם אַמט, ווייַל ער איז קראַנק געוואָרן אויף טובערקולאָז — אַ ירושה פון די צאַרישע תפיסות.



אַ ייִדישע שטריקער־פאַבריק אין וואַרשע אין 1912

באַלד אויף די ערשטע פאַרוואַלטונגס־זיצונגען האָט מען אָנגעהויבן צו פאַרפעסטיקן די שוין אָרגאַניזירטע פאַכן. די ערשטע זענען געווען די שמיקלערס, וועלכע האָבן אויף אַ גוט באַזוכטער פאַרזאַמלונג אויסגעקליבן אַ פאַך־קאָמיסיע פון די ווייַטערדיקע חברים: לאָזער, מאָיסע, מלך, האָדעס, איִטקע, יצחק אויג, מענדל מאָרזשאַן און שימחה באַלעבאָס (דעם בייַנאָמען בעל־הבית האָבן אים די חברים געגעבן פאַר זייַן אַכטונג געבן אויף דער אָרדענונג אין לאָקאַל און אָפהיטן די מעבל. ער האָט דערצויגן די מיטגלידער צו האַלטן ריין די צימערן און שוינען דאָס געזעלשאַפטלעכע אייגנטום).

דאָס צווייטע פאַך לויט דער ריי זענען געווען די שטריקער־אַרבעטער, אַ פאַך וואָס איז דעמאָלט כמעט געווען אין גאַנצן אין ייִדישע הענט. די שטריקער זענען שוין פון פריִער געווען אָרגאַניזירט אויף די בירזשעס, דערפאַר זענען זיי געקומען אין אַ גרעסערע צאָל צו דער פאַררופענער פאַרזאַמלונג. די געוויילטע פאַך־קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון די ווייַטערדיקע חברים: אַבע פלוג, חנא גאָלדבערג, שמערל, יצחק פון קאַצס פאַבריק, טענענבוים פון פטאַשניקס פאַבריק, אידל פאָרמאַן, שוואַרצער נתן, יצחק יאַקובאָוויטש און נאָך איינער וועמענס נאָמען איך געדענק נישט. דאָס דריטע פאַך לויט דער ריי זענען געווען די זאָקן־אַרבעטער. דאָס פאַך איז שוין נישט געווען אַ דורכויס ייִדישס, דאָך האָבן די ייִדישע אַרבעטער זיך אָרגאַניזירט אין פאַראיין. די אויסגעוויילטע פאַך־קאָמיסיע איז באַשטאַנען, ווי איך דערמאָן זיך, פון די חברים יחיאל בראָן, משה יעלען, אידל גרינבלאַט און נאָך איינעקע. עטלעכע געפינען זיך הייַנט אין ישראל.

דאָס מאַשין־העפטער־פאַך איז אין זייַן גרעסטער מערהייט געווען אין ייִדישע הענט. די קאָמפליצירטקייט פון דער אַרבעט האָט געפאָדערט יאָרנלאַנגע פראַקטיק, ממילא זענען די מאַשין־העפטער געווען בעסער באַצאָלטע און גוט אָרגאַניזירטע. אין זייער פאַך־קאָמיסיע זענען געוויילט געוואָרן די חברים נח, מלך, אַלטער, שמעון, טויבטשע און נאָך איינעקע. די אַלע פריִער אויסגערעכנטע ח"ח זענען געווען די ערשטע אַקטיווע מיטבויערס פונעם גרויסן טעקסטיל־פאַראיין.

אַלע אויסגעוויילטע פאַך־קאָמיסיעס האָבן אָנגעהויבן אינטענסיוו צו אַרבעטן. מען איז געגאַנגען פון פאַבריק צו פאַבריק און אויך אין די שטיבער פון די אַרבעטער און זיי אַרייַנגעצויגן אין די פאַראיינס־רייען. כדי צו באַנעמען די שוועריקייטן פון די פאַראיינס־טוער איז גענוג צו דערמאָנען אַז ביי די אַלע פאַכן איז דאַן קיין סך אַרבעט נישט געווען, און אַלע אונדזערע אַקטיוויסטן האָבן געמוזט זוכן אופנים צו פאַרדינען אויף ברויט. טראָץ אַלע שוועריקייטן

האָט מען זיך דאָך אָפּגעגעבן מיטן גאַנצן ענטוזיאַזם דער פאַראיינס־אַרבעט.

ווען די דערמאָנטע פאַכן זענען שוין געווען באַפעסטיקט, האָט די אַלגעמיינע פאַרוואַלטונג אָנגעהויבן אָרגאַניזירן די אַנדערע פאַכן וואָס געהערן צו דער טעקסטיל־אינדוסטריע, ווי צ״ב: וועבער, וואַטע־מאַכערס, שמאַטע־סאָרטירערס און דריוולערס, אונטערוועש און קאָשולקעס, גאַרנצווײַג, האַנטהעפּטערינס, און אויך גרינדן אַ יוגנט־סעקציע.

שווערער איז צוגעגאַנגען דאָס אָרגאַניזירן די האַנטהעפּטערינס. דאָס פאַך איז באַשטאַנען סײַ וואָס שײַך די אַרבעטער און סײַ וואָס שײַך די אונטערנעמערס — פון פרויען, און ביידע שיכטן זענען געווען פון די „בעסערע״, זיי האָבן זיך געהאַלטן ווי „אַריסטאָקראַטינס״, זיי האָבן נישט גערעדט קיין יִדיש נאָר פּויליש. זיי האָבן נישט געוואָלט קומען אין פאַראיין, נישט קוקנדיק דערויף וואָס די עקספּלואַטאַציע אינעם פאַך איז געווען זייער גרויס. נאָר די אַקטיוויסטן פון פאַראיין האָבן דאָך באַוויזן צוצוקומען צו די פאַבריקלעך און געברענגט אין פאַראיין אַרײַן די אַרבעטערינס פון איינציקע פאַבריקלעך. נאָך אַ צײַט פון פּראָפּאַגאַנדע האָט מען גערופן אַ פאַרזאַמלונג און אויסגעוויילט עטלעכע חברטעס צו דער שוין עקסיסטירנדער העפּטער־קאָמיסיע. שפּעטער זענען צוגעקומען מער פאַבריקלעך צום פאַראיין און זיי זענען געוואָרן אַן אָרגאַניזירטער צווײַג בײַם העפּטערפאַך.

די שמיקלער־קאָמיסיע האָט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן די גאַרן־ און נייפאָדעם־אַרבעטער. דאָס פאַך איז אויפגעקומען אין דער מלחמה־צײַט און אײַנגעשטאַנען ביי רעליגיעזע יִדן אין די הענט. די אַרבעטער זענען געווען מערסטנס פרויען, און אויך דאָ איז צוגעגאַנגען שווער. די פאַבריקאַנטן האָבן נישט צוגעלאָזט קיין שום פאַרשטייער פון פאַראיין צו די פאַבריקלעך, זיי פלעגן רופן פּאָליציי און אַפילו געהייסן אַרעסטירן די פאַרשטייערס. אָבער די פאַבריקאַנטן האָבן געמוזט אַליין אַרויסנעמען די אַרעסטירטע פון די פּאָליציייִשע הענט. נישט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן האָט מען דאָך אָרגאַניזירט דאָס פאַך און צוגעטיילט די ח״ח אַברהם וואָלף, האָדעס און נאָך אַ חברטע צו דער שמיקלער־קאָמיסיע.

דאָס קוריאָזטע איז געווען דאָס וואַטעפאַך, וואָס איז אײַנגעשטאַנען אין יִדישע הענט. די אַרבעטער און די בעלי־בתים זענען געווען עלטערע חסידישע יִדן. זייערע פאַרזאַמלונגען פלעגן זיי אָפּהאַלטן פּריוואַטיק פאַר נאַכט, און ווען ס'איז געקומען דער זמן מינחה, פלעגן זיי בציבור דאַוונען אינעם פאַראיינס־צימער. ס'איז געווען אַ סך פאַלן, ווען די אַרבעטער מיט די אונטערנעמערס האָבן געדאַוונט אין איין שטיבל און געפאָרן צו איין רבין. די וואַטע־פאַבריקלעך זענען געווען אײַנגעאָרדנט אין די קעלערס, אָן ליכט און לופט, מען האָט געאַרבעט בײַ נאַפטלאָמפּן. דאָך דאַרף דאָ אונטערגעשטראָכן ווערן דער פאַקט, אַז גראָד די וואַטעמאַכערס מיט די לאַנגע בערד האָבן אַרויסגעוויזן מוט און קאַמפס־גרייטקייט צו אָרגאַניזאַציע: זיי זענען געקומען מיט זייער גוטן ווילן אין פאַראיין און געהאָלפן אָרגאַניזירן וואָס מער פאַבריקלעך. ס'איז כדי צו דערציילן אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד: ווען אַ פאַרשטייער פון דער פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיט צוויי מיטגלידער פון דער וואַטעמאַכערס־קאָמיסיע זענען געקומען צו אַ געוויסן פאַבריקאַנט אויף אונטערהאַנדלונגען וועגן די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער פאַבריקאַנט און איינער פון די פאַרשטייערס פון דער פאַך־קאָמיסיע פאָרן צו איין רבין. דאַן איז צווישן די צוויי חסידים פאָרגעקומען דער ווײַטערדיקער דיאַלאָג: דער פאַבריקאַנט ווענדט זיך צום אַרבעטער מיט די ווערטער „רב יאַנקל איר זענט געוואָרן אַ פירער צוזאַמען מיט די פּושעי ישראל, מיט די ציציליסטן?־ ווי אַזוי וועט איר קומען צום רבין?״ דאַן האָט דער אַרבעטער, וואָס האָט געהאַט אַ הדרת־פּנים מיט אַ לאַנגער באָרד, אים געענטפערט די ווערטער „הער אויס, משה דוויד, דו זאָגסט, אַז זיי זענען פּושעים און נאָך אַזעלכעס. פרעג איך דיך, צו דאָס וואָס זיי העלפן אונדז, אַז מיר זאָלן קענען פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט פאַר אונדזער משפּחה, הייסט דאָס דען נישט טאָן אַ מיצווה? זאָגט דען נישט די גמרא: כל המחיה נפש אחד מישראל יש לו חלק לעולם הבא? (ווער עס העלפט דערהאַלטן בײַם לעבן איין יִדן דער האָט אַ חלק פון עולם הבא.) נו, און זיי ווילן דאָך, אַז מיר זאָלן קענען

פאַרדינען אויף לעבן פאַר אונדזער משפּחה! נו משה דוויד, האָבן זיי דען נישט מער עולם הבא ווי מיר! און דו רופסט זיי פּושעים.״

אַט אַזוי האָבן די פרומע חסידישע יִדן פאַרטיידיקט זייערע פאַרשטייערס. מען מוז מודה זײַן אַז צווישן די דאָזיקע יִדן זענען נישט געווען קיין שטרײַקברעכערס און זיי האָבן געהיטן די פאַבריקן אין צײַט פון שטרײַק און געברענגט פּינקטלעך דעם באַשטימטן מיטגלידס־אָפּצאָל און זענען געקומען אויף יעדן רוף פונעם פאַראיין.

צוויי פאַכן איז אָנגעקומען שווער צו אָרגאַניזירן: שמאַטע־סאָרטירערס, וועלכע האָבן קיין מאָל נישט געחלומט צוצוקומען צו דער מדריגה פון געהערן מיט לײַט צו גלײַך צו אַ פּראָפעסיאָנעלן אַרבעטער־פאַראיין, און דריוולערס, דאָס פאַך וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין די מלחמה־יאָרן בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע. דעמאָלט האָט אויסגעפעלט וואָל צו דער אַרבעט בײַם שטריקערפאַך, האָבן יִדן געשאַפן אַ פאַך דריוולערס. מען האָט אויפגעקויפט אַלטע סוועטערס, גענייטע אויף דער האַנט, מ'האָט זיי צעטרענט און פאָרזיכטיק פונאַנדערגענומען די וואָלפעדעם, פון וואָס מ'האָט ווידער געשטריקט סוועטערס. די שמאַטע־סאָרטירערס און די דריוולערס האָבן זיך געפונען אין דער אָרעמסטער יִדישער געגענט, ווי סמאָטשע, גענשע און וואָלינסקע. זיי זענען געווען געזעלשאַפטלעך, זייער צוריקגעשטאַנען און באַנוצט אַ שפּראַך פון האַלבע אונטערוועלט־מענטשן. אָרגאַניזירן זיי איז געווען זייער אַ שווערע אַרבעט. דער שוואַרצער אַבע (אַבע פלוג) האָט געווירקט אויף אונדזערע אַקטיוויסטן מיט זײַן אַרגומענט: „בײַ אונדז קאָן נישט געהערט ווערן דאָס וואָרט מען קאָן נישט צוקומען צו זיי. אויב — האָט ער געזאָגט — מיר ווילן זיך זאָגן אַז מיר מוזן צוקומען, וועלן מיר צוקומען.״ און אַזוי איז טאַקע געשען. די אַקטיוויסטן זענען צוגעקומען צו די פאַבריקלעך און געברענגט די אַרבעטערינס אין פאַראיין. מ'האָט זיי אָרגאַניזירט אין אַ פאַך. די פאַרוואַלטונג האָט באַשטימט אירן אַ פאַרשטייער אין דער פאַך־קאָמיסיע, און צוזאַמען האָט מען אָנגעהויבן אַן אינטענסיווע אַרבעט, מאָראַליש אַרויסצוהייבן די אַרבעטער און גלײַכצײַטיק אויסצובעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע.

די פאַרוואַלטונג האָט נישט דורכגעלאָזן קיין צווײַג פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע, ווי קליין דאָס זאָל נישט האָבן געווען. אַזוי זענען אָרגאַניזירט געוואָרן די אַרבעטערינס פון געשטיקטער אַרבעט — באַפּוצונגען צו פרויענקליידער.

קאָשולקע־מאַכערס (וואָלענע אונטערוועש) איז געווען דאָס לעצטע פאַך וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסן אינעם טעקסטיל־אַרבעטער־פאַראיין. פריִער האָבן זיי געהערט צו דער „צענטראַלע״ פון די ס״ם (פאַראייניקטע) אויף דער לעשנע־גאַס. לויט אַ באַשטימונג פון דער פאַרוואַלטונג פונעם טעקסטיל־פאַראיין האָט דער חבר נתן געפירט פאַרהאַנדלונגען מיט דער קאָמיסיע פונעם קאָשולקע־פאַך. זייער סעקרעטאַר איז געווען איסר גאָלדבערג (איצט אין צפון־אַמעריקע) און נאָך געוויסע אויפקלערונגען האָט זיך דאָס פאַך אָנגעשלאָסן אינעם טעקסטיל־פאַראיין.

ס'איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ יוגנט־סעקציע אין באַשטאַנד פון די יוגנטלעכע פון אַלע פאַכן. די יוגנט איז טאַקע געוואָרן דער אימפּולסירנדיקער כוח, וואָס האָט אַזוי גרויס געמאַכט דעם וואַרשעווער יִדישן טעקסטיל־אַרבעטער־פאַראיין.

האָבנדיק שוין אָנגעשלאָסן אַלע קרובישע טעקסטיל־פאַכן אין פאַראיין, איז די פאַרוואַלטונג צוגעטראָטן אַדורכצופירן עקאָנאָמישע פאַרבעסערונגען אין אַלע צווײַגן און גלײַכצײַטיק באַפעסטיקט די פאַבריקס־אָרגאַניזאַציעס. דאָ דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן אַז מיר האָבן געוווּנען אַלע אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען אין כמעט אַלע פאַבריקן.

ס'זענען אויך געווען פאַלן ווען מיר האָבן זיך געוואָנדן צום פּוילישן טעקסטיל־פאַראיין פון וואָלסקע־גאַס, פאָרלייגנדיק אים חברישע מיטהילף בײַם אָרגאַניזירן די פּוילישע טעקסטילער. (די אָפּאָרטוניסטישע פּפּ״ס־פירער פונעם טעקסטיל־פאַראיין האָבן זיך זייער ווייניק פאַראינטערעסירט מיט דער לאַגע אין וועלכע ס'האָבן זיך געפונען זייערע מיטגלידער. די פּוילישע טעקסטיל־אַרבעטער אין וואַרשע האָבן געאַרבעט פאַר אַ נידעריקערן לוין און נישט

פֿאַרמאָגט קיין קאָנטראָל איבער די פֿאַבריקס־אַרבעטער.) אונדזער פֿאַראיין האָט אַ סך מיטגעהאָלפֿן דעם פּוילישן אַרבעטער זיך בעסער צו אָרגאַניזירן, כאָטש צו אַזאַ שטאַרקער אָרגאַניזאַציע ווי ס'איז געווען דער יִדישער טעקסטיל־פֿאַראיין זענען זיי קיין מאָל נישט דערגאַנגען. די יִדישע פֿאַבריקן זענען געווען פֿאַרמאַכטע, ד"ה אַז אַ פֿאַבריקאַנט האָט געדאָרפֿן אַן אַרבעטער, האָט ער זיך געמוזט ווענדן צום פֿאַבריקס־דעלעגאַט וואָס האָט די ווענדונג איבערגעגעבן אין פֿאַראיין, וועלכער פֿלעגט שיקן די פֿאַררעגיסטרירטע מיטגלידער לויט אַ שטרענגן סדר. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיטן אָפּזאָגן אַן אַרבעטער, וואָס דער פֿאַבריקאַנט האָט געקאָנט בלויז מיט דער צושטימונג פֿונעם אַרבעטער־פֿאַראיין.

דער פֿאַראיין וואָס איז דאַן געווען אונטער דער ווירקונג פֿונעם בונד, האָט אויך אָנטייל גענומען אין אַלע פּאָליטישע אַקציעס, אַזוי אַלגעמיין לאַנדישע ווי ספּעציעל יִדישע. אַלע אַקציעס פֿלעגן זיך פֿאַרוואַנדלען אין אויפֿקלערונגס־דיסקוסיעס, ווײַל פֿאַר און בעת יעדער אַקציע פֿלעגן דורכגעפֿירט ווערן מאַסוּוקעס בײַ וועלכע ס'פֿלעגן רעדן פֿאָרשטייערס פֿון אַלע פּאַרטיי־שאַטירונגען בײַם פֿאַראיין (בונד, פּועלי־ציון און ס"ד — שפּעטער קאָמפּאַרטיי.) די מאַסוּוקעס פֿלעגן טייל מאָל אָננעמען שטורמישע פֿאָרמען, אָבער שטענדיק באַלערנדיקע און דערציִערישע.

דער טעקסטיל־פֿאַראיין איז געווען אַ אָנגעזעענער קולטור־פֿאַקטאָר אויף דער יִדישער אַרבעטער־גאַס. די ביבליאָטעק אויפֿן נאָמען פֿון אוורעמל שטריקער איז געווען פֿון די גרעסטע יִדישע געזעלשאַפֿטלעכע ביבליאָטעקן, זי איז געשאַפֿן געוואָרן מיט דער אָנשטרענגונג פֿון אַלע יִדישע טעקסטילער. ווער ס'האָט געבראַכט אַ בוך און ווער אַ פּאָר גראָשן, צוזאַמען איז עס געוואָרן דער יש וועלכער האָט אָנגעטאָן אַ כבוד יעדן אַרבעטער־טוער אָדער ליטעראַט וועמען מען האָט אָנגעבאָטן די טריבונע פֿון דער טעקסטיל־ביבליאָטעק. די גרעסטע פֿאַרדינסטן פֿאַרן וווּקס פֿון דער ביבליאָטעק האָבן געהאַט די ח"ח אַברהם ראָזנפֿעלד (געהרגעט געוואָרן אין מאָסקווע בעת אַ נאַצישער לופֿט־אַטאַקע), יאַנקל גאָלדשטיין (געשטאָרבן ענדע יאָר 1953 אין בוענאָס־אײַרעס) און דער ווײַסער לאָזער. די ח"ח האָבן זיך פּשוט מוסר נפש געווען פֿאַר דער ביבליאָטעק. דער ח' אַברהם ראָזנפֿעלד האָט געזוכט ביכער פֿאַר דער ביבליאָטעק אין אַלע ווינקעלעך פֿון וואַרשע, אַפֿילו בײַ די סוחרים פֿון אַלטפּאַפּיר, און ער פֿלעגט אַ סך מאָל געפֿינען יקר המציאותן, קיין שום מיטל איז פֿאַר די דאָזיקע חברים נישט געווען צו שווער. זייער איינציקע אַמביציע איז געווען צו פֿאַרשענערן און פֿאַרגרעסערן די ביבליאָטעק. זאָל נישט פֿאַרגעסן ווערן אַז צענדליקער אַרבעטער־רעפֿערענטן, זשורנאַליסטן און אַפֿילו אָנגעזעענע ליטעראַטן פֿלעגן קומען אין ביבליאָטעק נאָך אַלטע צײַטונגען, זשורנאַלן, בראָשורן און ביכער וואָס ס'איז שווער געווען צו געפֿינען אין עלטערע ביבליאָטעקן.

עטלעכע מאָל אין וואָך האָט די קולטור־קאָמיסיע בײַם פֿאַראיין דורכגעפֿירט רעפֿעראַטן אויף פּאָליטישע, ליטעראַרישע און וויסנשאַפֿטלעכע טעמעס. אין אַלגעמיין איז דער יִדישער טעקסטיל־אַרבעטער־פֿאַראיין פֿון קאַרמעליצקע 15 געווען די היים פֿונעם יִדישן טעקסטיל־אַרבעטער.

יחיאל גאָטאָוויזנע (תל־אביב)

געשיכטע פון יידישן דרוקער־פאראיין אין ווארשע

די אַנטוויקלונג פון ייִדישן דרוקער־פאַראיין אין וואַרשע איז איינס פון די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די געשיכטע פון דרוקער־פאַראיין איז טיף פאַרוואָרצלט נאָך אין די צײַטן פון פינצטערן צאַריזם. שוין אין די 80־90ער יאָרן פון פאַבריקן י״ה האָבן די ייִדישע דרוקער־אַרבעטער דורכגעפירט שטרײַקן און געקעמפט פאַר אַ נײַער וועלט. מיר, די איבערגעבליבענע דרוקער־אַרבעטער, געדענקען נאָך זייער גוט די וועטעראַנען פון אונדזער פאַך, די חברים יצחק גרושקע (געשטאָרבן 1926), הערמאַן (געשטאָרבן 1928), און מאיר בערגער, וועלכע האָבן פיל בײַגעשטײַערט אין די שווערע צאַרישע צײַטן. אָנהייבנדיק פון די יאָרן 1880—1890, האָבן זיי אָרגאַניזירט די דרוקער־אַרבעטער וועלכע זענען געווען די ערשטע אויף די „בירזשעס” און „סכאָדקעס” פון יענער צײַט.

דער דרוקער־פּראָלעטאַריאַט מאַכט אויך אַדורך צו גלײַך מיט דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט, דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשוווּנג פון 1905. עס ווערן דורך דער גאַנצער צײַט געמאַכט פּרוּוון צו גרינדן אַ לעגאַלע פּראָפ׳אָרגאַניזאַציע, אָבער אָן דערפאָלג. אין 1911־1912 שאַפט זיך צום וויפלטן מאָל דער אומלעגאַלער דרוקער־פאַראיין. אין דער פאַרוואַלטונג גייען אַרײַן צווישן אַנדערע די חברים: יאַנעק יאַנקעלעוויטש, דוויד הענדלער, משה טירמאַן. דער אומלעגאַלער דרוקער־פאַראיין האָט געפירט זײַן גאַנצע אַרבעט אויף דער בירזשע וועלכע האָט זיך געפונען אויף לעשנע, צווישן קאַרמעליצקע און פשעיאַזד. די אַרבעטער פלעגן זיך טרעפן איין מאָל אין וואָך. צוליב זיכערקייט־טעמים איז די בירזשע שפּעטער אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף גענשע, צווישן נאַלעווקעס און דזשיקע. אויף דער בירזשע פלעגן זיך צונויפקומען אין איין אָוונט ביז 200 דרוקער־אַרבעטער. צוליב דער גרויסער צאָל חברים פלעגט שוין די בירזשע גערופן ווערן צוויי מאָל אין וואָך.

די הויפּט־השפּעה האָט דער פאַראיין געהאַט אויף די אַקסידענץ־אַרבעטער. אין די צײַטונגען וווּ ס׳האָט געאַרבעט אַ מער אָפּגעשטאַנענער עלעמענט, איז דעם פאַראיין אָפּט אויסגעקומען צו פירן אַ קאַמף. די עלטערע אַרבעטער זענען געווען קעגן אָפּשאַפן שטיקאַרבעט און איבערגיין אויף טאָגלוין. מיטן אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה אין 1914 ווערט אָפּגעווישט דער אומלעגאַלער דרוקער־פאַראיין. די סיבות זענען געווען די גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט און די צעשטויבטקייט פון די חברים.

בײַ די שווערסטע מלחמה־באַדינגונגען אין 1915 ווערט לעגאַליזירט דער דרוקער־פאַראיין. קיין מיטלען צו דינגען אַ געהעריקן לאָקאַל זענען נישטאָ. דער פאַראיין פאַרנעמט אַ קליין ווינקל אין דער דירה פון ח׳ חנינה פעדער, און דאָרט בײַם שײַן פון אַ קליין ליכטל ווערן דערלײדיקט אַלע פאַראיינס־ענינים. פון אָנהייב איז דער צופלוס פון חברים אַ שוואַכער, נאָר ביסלעכווײַז קומען צו אַלץ מער מיטגלידער. אין 1916, ווען עס נעמען דערשײַנען ייִדישע צײַטונגען, ווי דער „יוד” און שפּעטער דער „הײַנט” און „מאָמענט”, קריגט דער פאַראיין אַ געוויסע מאַטעריעלע באַזע. מען דינגט אַ לאָקאַל אויף לעשנע 42. אויך דער לאָקאַל איז אַ גאַנץ נעבעכדיקער. דער מוט און גלויבן בײַ די חברים זענען אָבער פעסט. עס פאַרצווײַגט זיך אַ ברייטע אַרבעט.

אין דער ערשטער פאַרוואַלטונג פון דרוקער־פאַראיין אין 1915 ווערן אויסגעקליבן די חברים: משה ליטוואַק, חנינה פעדער, בנימין קאָשאַקעוויטש, יאַנקל בריליאַנטשטיין, ליפּע פּילאַטאָווסקי, אברהם קעלמאַן און משה שקליאַר.

במשך פון העכער צוויי צענדליק יאָר זענען געווילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג די ווײַטערדיקע חברים: י. אָלדאַק, משה באָרנשטיין, מאָטל באָרנשטיין, ח. באַכראַך, מ. בערגער, י. בריליאַנטשטיין, י. בעראָהאָלץ, מ. באַנעט, י. בלײַפעדער, ש. גאָלדמאַן, מ. גוטשטיין, ג. גליזער, מ. גראָסבוים, מ. גאָלדבערג, ג. גורפינקל, וו. גלאַטמעסער, ב. העכטמאַן, ל. העכטמאַן, י. מ. העלפגאָט, ד. הענדלער, מ. ווילענסקי, מ. וויינבערג, מ. וויינטרויב, א. וואָלמאַן, וו. ווערקצייג, מ. טירמאַן, י. טשאַפּניק, י. טענענבוים, י. יאָסקאָוויטש, ש. יעזשאָר, י. לערוך, מ. ליטוואַק, י. לעוויט, ר. לעדערמאַן, ש. לעוו, וו. מאָרגנשטערן, מ. נאָמבערג, מ. סקליאַר, י. סאָבאָל, ב. ערליך, ח. פעדער, ל. פּילאַטאָווסקי, ב. פּרעזמאַן, מ. ב. קליינער, א. קאַהאַראָדסקי, ה. ראָזענבערג, וו. שטערנפעלד, מ. שאַפּיראָ, י. מ. שאַנאַ, מ. שעכטמאַן, א. שפּיכלער.

זינט 1917 האָט פאַרנומען דעם אַמט פון פאָרזיצער, אָן איבעררײַס, דער ח׳ לאָזער קלאָג. אַלס סעקרעטאַר האָט צו ערשט געאַרבעט דער ח׳ שמויש. נאָך אים דער ח׳ ב. וואַרשאַווסקי און צו לעצט דער ח׳ ר. פעדערמאַן. אין אַפּריל 1925 איז גערופן געוואָרן די ערשטע לאַנד־קאָנפערענץ פון די ייִדישע דרוקער־אַרבעטער און ס׳איז אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן „דער צענטראַלער פּראָפ׳ פאַראיין פון די ייִדישע דרוקער־אַרבעטער אין פּוילן”. דער פאַראיין איז געווען אָנגעשלאָסן אין וואַרשעווער צענטראַלראַט פון די פּראָפ׳קלאַסן־פאַראיינען. בעת דער גרינדונג פון דער צענטראַלע זענען געווען די ווײַטערדיקע אָפּטיילונגען מיט דער ווײַטערדיקער צאָל מיטגלידער: וואַרשע — 581, ווילנע — 151, גראָדנע — 200, לאָדזש — 75, ראָוונע — 40, ביאַליסטאָק — 31, בריסק — 30, לובלין — 36, קאַליש — 24, בילגאָרײַ — 17, סלאָנים — 16, קאָוועל — 17, טשענסטאָכאָוו — 15, בענדין — 7, אָסטראָג — 7, צוזאַמען — 1247.

אין די הונגער־יאָרן פון 1916—1918 האָט דער פאַראיין אָרגאַניזירט אַ ברייטע ווירטשאַפטלעכע הילף־טעטיקייט פאַר די מיטגלידער. עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן צעטלען צו באַקומען ביליקע און אומזיסטע מיטאָגן אין די אַרבעטער־קיכן. שפּעטער איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אייגענע קיך אין לאָקאַל פון פאַראיין. אין די שפּעטערדיקע יאָרן פלעגט דער פאַראיין אַרויסגעבן הלוואות, געהאָלפן דורכפאָרנדיקע חברים וועלכע פלעגן זוכן אַרבעט, און מען פלעגט אויך העלפן אַרבעטלאָזע עמיגרירן.

דער דרוקער־פאַראיין איז דער ערשטער צווישן אַלע פּראָפ׳־פאַראיינען וועלכע פירן אײַן שוין אין די יאָרן 1921—1924 דעם באַוועגלעכן לוינטאַריף. געווען איז עס אַ פועל־יוצא פון דער כסדרדיקער אַנטווערטיקונג פון געלט, ס׳ווערט דאַן אויך אויסגעקעמפט אַן הוספה פאַר די נאַכטאַרבעטער, פאַר צײַטווײַליקער אַרבעט איז געשאַפן געוואָרן אַ באַזונדער העכער טאַריף, כדי צו צווינגען די בעלי־בתים צו באַשעפטיקן שטענדיקע אַרבעטער. ס׳איז פאַרפעסטיקט געוואָרן די טראַדיציע צו צאָלן פאַר ימים־טובים טאָפּלט און

ס'איז אויך אײַנגעפירט געוואָרן אַ חודש אורלויב. אין 1925 איז פאַרקלענערט געוואָרן די אַרבעטסצײַט פון די מאַשין־זעצער אויף איין שעה, באַזונדערס איז געפירט געוואָרן אַ קאַמף פאַר דער אויסשליסלעכער אַרבעט־פאַרמיטלונג פון פאַראיין.

גרויס אויפמערקזאַמקייט האָט דער פאַראיין געשענקט דער פראַגע פון איבערקוואַליפיקאַציע וואָס איז געוואָרן אַקטועל צוליב דער מעכאַניזירונג פון די דרוקערײַען. אַ דאַנק דעם פאַראיין זענען איבערקוואַליפיצירט געוואָרן די גיסער און סטערעאָטיפירער און ס'זענען אויסגעלערנט געוואָרן נײַע מאַשין־זעצער.

דער פאַראיין האָט געלייגט אַכט אויף דער פאַרזאָרגונג פון די אַרבעטלאָזע. עס איז קלאָר אַז אין די ראַמען פון דער קאַפיטאַליסטישער אָרדענונג איז אוממעגלעך צו לייזן די אַרבעטלאָזע פראַגע. ס'איז דעריבער געפירט געוואָרן אַן אַרבעט צו לינדערן די נויט פון די אַרבעטלאָזע. אין דער ערשטער ריי זענען טייל אַרבעטלאָזע איבערקוואַליפיצירט געוואָרן אין אַנדערע צווײַגן און ס'זענען אויך אַרויסגעגעבן געוואָרן אונטערשטיצונגען אין געלט און אַרבעט. כדי צושאַפן אַרבעט האָט דער פאַראיין אײַנגעפירט אַ רעגלאַמענט וועלכער האָט גענוי פעסטגעשטעלט די אַרבעט־צעטיילונג פון יעדן אַרבעטער.

די דרוקער־אַרבעטער האָבן געהערט צו די וועלכע פלעגן אַלע מאָל זיך באַטייליקן אין די 1טע מײַ־דעמאָנסטראַציעס אָדער אין די אַלגעמיינע שטרײַקן. די ייִדישע צײַטונגען פלעגן דעמאָלט נישט דערשיינען. אין נאָוועמבער 1923 איז אויסגעבראָכן אַן אַלגעמיינער שטרײַק פון גאַנצן פראָלעטאַריאַט אַלס פראָטעסט קעגן דער מיליטאַריזאַציע פון די באַנאַרבעטער. דער שטרײַק האָט געדויערט דרײַ טעג. נאָכן שטרײַק איז אַרויס דער „הײַנט” מיט אַן אַרטיקל פול מיט שמוץ אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג. פאַרשטייט זיך אַז אַ דאַנק די דרוקער־אַרבעטער וועלכע האָבן געאַרבעט אין „הײַנט”, האָט דער אַרטיקל נישט דערזען די ליכטיקע שײַן. אין סאַנאַטאָרישן פוילן זענען נישט איין מאָל געמאַכט געוואָרן פרוּוון אַרויסצוגעבן שטרײַקברעכערישע צײַטונגען אין קאַמפטאָג פון 1טן מײַ. די פרוּוון אָבער האָבן זיך שטענדיק געענדיקט מיט אַ דורכפאַל און תמיד אַ דאַנק דער וואַכזאַמקייט פון די דרוקער־אַרבעטער און זייער אָרגאַניזאַציע.

באַזונדערס האָבן זיך אויסגעצייכנט די דרוקער־אַרבעטער אין סאָלידאַריטעט־אַקציעס. צ"ב אין 1919 האָבן געשטרײַקט די רעדאַקציע־מיטאַרבעטער און אַדמיניסטראַציע־אָנגעשטעלטע פון „נאַש קוריער”. זיי האָבן זיך געווענדט וועגן סאָלידאַריטעט־הילף צו די דרוקער. דער דרוקער־פאַראיין האָט פאַרווערט צו זעצן מאַנוסקריפטן פון שטרײַקברעכער און אַ דאַנק דעם איז דער שטרײַק געוווּנען געוואָרן. אַזוי איז אויך אַ דאַנק דעם דרוקער־פאַראיין געבראָכן געוואָרן די אַקציע פון די „פראַקעס” וועלכע האָבן באַאײַנפלוסט די צײַטונג־אַרויסגעבער, זיי זאָלן נישט געבן צו פאַרשפרייטן קיין צײַטונגען צו מיטגלידער פון פראָפ'קלאַסן־פאַראיין פון צײַטונג־פאַרשפרייטער. ווען די בעלי־בתים פון „הײַנט”, „מאָמענט”, און „ראַדיאָ” האָבן זיך געלאָזט באַאײַנפלוסן פון די „פראַקעס” און שיקאַנירט די צייטונג־פאַרשפרייטער פון קלאַסן־פאַראיין, האָבן אַלס צייכן פון סאָלידאַריטעט פאַרשטרײַקט די דרוקער־אַרבעטער פון די אויבן דערמאָנטע צײַטונגען. פאַרשטייט זיך, אַז די בעלי־בתים האָבן זיך געמוזט צוריקציִען און צוריקשטעלן אין זייער רעכט די צײַטונג־פאַרשפרייטער פון קלאַסן־פאַראיין.

אַ באַזונדער קאַפיטל אין דער טעטיקייט פון פאַראיין איז געווען די קולטור־אַרבעט. ביז 1920 איז קיין סיסטעמאַטישע אַרבעט נישט געפירט געוואָרן. ערשט אין 1920 איז דורך דער פאַרוואַלטונג באַשטימט געוואָרן די ערשטע קולטור־קאָמיסיע, וועלכע איז גלײַך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. ס'איז געשאַפן געוואָרן די פאַראיינס־ביבליאָטעק, וועלכע איז פון 300 ביכער אין 1920 אויסגעוואַקסן ביז צו 5000 און האָט געהערט צו די גרעסטע ייִדישע ביבליאָטעקן אין וואַרשע. די קולטור־קאָמיסיע האָט געזאַמלט מאַטעריאַלן און נײַ־דערשינענע אויסגאַבעס פאַרן ייִוואָ. ס'זענען אײַנגעאָרדנט געוואָרן אויספלוגן און באַזוכן אין גרויסע פאַבריקן, גאַזאָווניעס, עלעקטראָ־סטאַציעס, ווי אויך אין די פאָרשטעט און אין אַנדערע ווײַטערע שטעט. אין דרוקער־פאַראיין זענען פאַרשפרייט געוואָרן הנחה־בילעטן און די מיטגלידער איז געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו באַזוכן סײַ ייִדישע, סײַ פוילישע טעאַטערס. אַן אָנגעזעען אָרט אין פאַראיין האָט פאַרנומען דער בלאָז־אָרקעסטער וועלכער איז אויך שטאַרק באַליבט געווען אויף פאַרשידענע פראָלעטאַרישע שימחות. די קולטור־קאָמיסיע איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אָנגעזעענע פרעלעגענטן, לעקטאָרן און כמעט יעדע וואָך פלעגט פאָרקומען אַ פאָרטראַג. אין לייענזאַל פלעגט זיך געפינען די טעגלעכע, וועכנטלעכע און פעריאָדישע פרעסע, ווי אויך אויסגאַבעס פון אויסלאַנד. אין גרויסן פאַראיינזאַל פלעגט אויך פאָרקומען מייסטערשאַפט־שפילן אין שאַך.

צו הייבן דעם געזונט־צושטאַנד פון די דרוקער־אַרבעטער פלעגן דורכגעפירט ווערן מעדיצינישע אונטערזוכונגען פון די מיטגלידער, כדי זיי אויסצוהיטן פון בלײַ־פאַרגיפטונג.

ס'מוז אונטערגעשטראָכן ווערן אַז נישט איין מאָל קומט אויס די דרוקער־אַרבעטער צו לײַדן רדיפות און שיקאַנעס מצד די פאַשיסטישע מאַכטאָרגאַנען, וועלכע זעען אפילו אין גאָר אומשולדיקע קולטור־אונטערנעמונגען „קראַמאָלע”.

דער דרוקער־פאַראיין האָט אַרײַנגעשריבן אַן אינטערעסאַנט קאַפיטל אין דער געשיכטע פון דער פאַרמלחמהדיקער אַרבעטער־באַוועגונג.

(אַרויסגענומען פונעם „פנקס פון ייִדישע דרוקער אין פוילן", דערשינען אין פאַרלאַג „דאָס נײַע לעבן" וואַרשע 1949).

בעריש דאָמב (בוענאָס אײַרעס)

ייִדישער מעטאַל־אַרבעטער פאַראיין אין וואַרשע

זכרונות

פּאַקטיש זענען ייִדן כמעט נישט געווען פאַרטראָטן אין דער שווער־אינדוסטריע פון מעטאַל, אָבער אַ סך צווײַגן פון דער לײַכטער מעטאַל־אינדוסטריע זענען געווען באַשעפּטיקט טויזנטער ייִדישע מענער און פרויען; ווי למשל בײַ גאָלדשמידערײַ נאָסע און טרוקענע בראָנזאָווניקעס, בעטן, קנעפּ און זייגער־מאַכערײַ.

דער מעטאַל־אַרבעטער־פאַראיין האָט, ווי דאָס רוב אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אינעם צאַרישן רוסלאַנד, עקסיסטירט אומלעגאַל. איך געדענק אַז אין יאָר 1912 איז די בירזשע געווען אויף דזשיקע 27, און שפּעטער אויף נאָווינאַרסקע צווישן שוויענטאָ־יורסקע וווּ די מעטאַל־אַרבעטער פלעגן זיך צונויפקומען יעדן שבת נאָך מיטאָג און שפּאַצירנדיק אַהין און צוריק פלעגט מען באַהאַנדלען די אָרגאַניזאַציאָנעלע פראַגעס פון דעם פאַך. אין די ייִדישע וואַרשטאַטן און פאַבריקן האָט מען דעמאָלט געאַרבעט 12 און 14 שעה אין טאָג, לערנייִנגלעך זענען געווען אָנגעדונגען מיט עסן און שלאָפן אויף דרײַ יאָר, און פלעגן צוהעלפן די בעל־הביתטעס אין דער שטוביקער ווירטשאַפט און אפילו בײַם ניאַנטשען די קינדער. אין יענער צײַט איז געווען באַרימט אין וואַרשע שוואַרצשטיינס פאַבריק פון זייגערס. דער בעל־הבית האָט אין פאַבריק אײַנגעאָרדנט אַן אייגענעם מנין, וווּ די אַרבעטער פלעגן אין דער אַרבעטצײַט דאַוונען מינחה און מערב. ספּעציעל האָט די פאַבריק געשמט צווישן די וואַרשעווער ישיבה־בחורים דערמיט וואָס, ווער עס האָט געקאָנט צען בלאַט גמרא אויף אויסנווייניק האָט באַקומען אַ מתנה אַ זייגער.

בײַ אַזעלכע באַדינגונגען איז אין 1913 אָרגאַניזירט געוואָרן דער ערשטער שטרײַק צווישן די ייִדישע מעטאַל־אַרבעטער. די פאָדערונגען זענען געווען אַ לוין־הוספה, 10 שעהדיקער אַרבעטסטאָג, איין שעה אויף מיטאָג־עסן און אָנערקענען דעם פּראָפעסיאָנעלן אַרבעטער־פאַראיין. די אַלע פאָדערונגען זענען נאָכגעגעבן געוואָרן אין דעם גרעסטן טייל פאַבריקן.

מיטן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין 1914 האָט דער ייִדישער מעטאַל־אַרבעטער־פאַראיין פּאַקטיש אויפגעהערט צו עקסיסטירן. ערשט מיטן אָקופּירן וואַרשע דורכן דײַטשן מיליטער סוף 1915 איז בײַ לייבוש טוכמאַכער — אַ קנעפּ־אַרבעטער — אין שטוב אויף פּאַוויע 48 פאָרגעקומען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פונעם לעגאַלן מעטאַל־אַרבעטער־פאַראיין.

בײַ די נײַע באַדינגונגען האָבן אויפגעלעבט פאַרשידענע פאַכן אין דער ייִדישער מעטאַל־בראַנזשע, ווי צב"ש די קנעפּ סעקציע, וועלכע האָט געאַרבעט פּאָדראַד פאַר דער רעגירונג און באַשעפּטיקט בײַ די 200 אַרבעטערינס, די מעכאַניקער פון פּאָליאַקעוויטשעס פּאַפּיראָסן־פאַבריק, די בעטנמאַכערס פון אָראָנאָוויטשעס פאַבריק (סמאָטשע־גאַס), וווּ ס'האָבן געאַרבעט אַ גרויסע צאָל ייִדישע און פּוילישע אַרבעטער. די אַלע אַרבעטער זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אין פאַראיין וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף דזשעלנע 20. צווישן די ערשטע פירערס פונעם מעטאַל־פאַראיין נאָך פון די צאַרישע צײַטן דאַרפן דערמאָנט ווערן די חברים דוויד אַ נאָסער בראָנזאָווניק וועלכער איז אין דער צײַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געשוואָלן געוואָרן און געשטאָרבן פון הונגער, לייבוש טוכמאַכער, ערשטער פאָרזיצער פונעם לעגאַלן פאַראיין, הענעך פּאַרביאַזש אַ נאָסער בראָנזאָווניק, ערשטער סעקרעטאַר.

ס'דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַרן קאַמפּסגײַסט פון יענער צײַט. ס'איז געווען באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען טויזנטער דעמאָביליזירטע אַרבעטער זענען אַהיים געקומען פון די פראָנטן און געטראָפן פאַרמאַכט די פאַבריקן. די בעלי־בתים האָבן זיך גענומען צו לײַכטע שפּעקולאַציע־מיסחרים, פון וואָס זיי זענען שנעל רײַך געוואָרן און נישט געוואָלט הערן אפילו וועגן לאָזן אין גאַנג זייערע פאַבריקן. די אַרבעטסלאָזיקייט און ממילא דער הונגער האָבן זיך שטאַרק געפילט צווישן די אַרבעטערשאַפט. דער דעמאָלטיקער פּפּ"סישער פּרעמיער־מיניסטער מאָראַטשעווסקי האָט זיך געמאַכט נישט־באַמערקן די אַקציע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען צו פאָדערן אַנטשעדיקונג בײַ די בעלי־בתים פון די פאַרמאַכטע פאַבריקן. אַ ייִדישער אייגנטימער פון אַ פאַבריק פון מעטאַלענע קנעפּ, אָרענדאַזש, אויף דזשעלנע 33, האָט נישט געוואָלט הערן אפילו וועגן אויסצאָלן אַנטשעדיקונג זײַנע געוועזענע אַרבעטער. אַזוי ווי די פאַראיינען האָבן נישט געהאַט קיין יורידישע מעגלעכקייטן צו צווינגען דעם פאַבריקאַנט, ער זאָל נאָכגעבן די אַרבעטער פאָדערונגען, האָבן אַ טייל אַרבעטער פון דער פאַבריק צוזאַמען מיט די חברים סענדער מאַלאַזש, הערשעלע אַנאַרכיסט און בעריש מעטאַלאָוויעץ (דאָמב) באַשלאָסן צו נעמען דעם פאַל אויף אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיר זענען אַוועק אינעם געשעפט פון הער אָרענדאַזש אויף נאַלעווקעס 2 (סימאָנס פּאַסאַזש) פאַרנומען סטראַטעגישע פּאָזיציעס און מיט געווער (מיר האָבן געהאַט אויך הייסגעווער) געפאָדערט צו דערלעדיקן דעם ענין. נישט טרעפנדיק דעם בעל־הבית, האָבן מיר געפאָדערט בײַם געשעפטס־פאַרוואַלטער, ער זאָל אונדז איבערגעבן די שליסלען פון דער קאַסע. דער פאַרוואַלטער, אַ ייִד מיט אַ שיינער באָרד, האָט גלײַך געוואָלט טעלעפאָנירן נאָך פּאָליציי, אָבער דער טעלעפאָן איז שוין געווען פאַרנומען פון אונדזערע מענטשן. בלית ברירה האָט דער פאַרוואַלטער זיך אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן, אַז ער האָט געגעבן תקיעת־כּף דעם בעל־הבית, קיינעם נישט צו געבן די שליסלען פון דער קאַסע. נאָך אַ קורצע באַראַטונג צווישן זיך האָבן מיר באַשלאָסן צו רעספּעקטירן דעם ייִדס תקיעת־כּף, נאָר אים צוזאַמען מיט די שליסלען מיטנעמען אין פאַראיין אַרײַן. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז דער הער אָרענדאַזש געקומען אין פאַראיין, און נאָך לאַנגע דינגענישן האָט ער אויסגעצאָלט זײַנע אַרבעטער די געפאָדערטע אַנטשעדיקונג.

דער ייִדישער מעטאַל־אַרבעטער־פאַראיין, וועלכער האָט שוין געהאַט זײַן פּרעכטיקן לאָקאַל אויף נאַלעווקעס 34, האָט אויך געפירט אַ שיינע קולטור־אַרבעט. יעדן פרײַטיק בײַ נאַכט אָדער שבת נאָך מיטאָג פלעגן פאָרקומען רעפעראַטן אָדער מאַסאָווקעס וועגן פּאָליטישע אַקטועלע פראַגעס. אונדזער פאַראיין וואָס איז געווען אונטער דער בונדישער השפעה, האָט געהאַט אויף זײַן חשבון דעם פאַרדינסט, וואָס צווישן זײַנע פירערס האָבן זיך געפונען אַזעלכע ערלעכע סאָציאַליסטן ווי דער לאַנגיאָריקער פאָרזיצער לייבל בלאַנק, אַן אַרבעטער פון זילבערנע בײַטלען, אַ סימפּאַטיזירער פון בונד, דער שטאַרק־אַקטיווער בעטן־אַרבעטער לערנער, אַ בונדיסט, הערשל מעטאַלאָוויעץ, אַ בונדישער מאַסנפירער, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אַרבעטער־טאָלעראַנץ, אַז זיי האָבן געבראַכן די בונדישע אַליינהערשאַפט־טראַדיציע און געגעבן די „רויטע" פראַקציע רעכט, ד"ה רעכט אויף קאָרעפערענטן און רעכט צו האָבן זייערע פאַר־

זאַמלונגען אין פאַראיינס־לאָקאַל. אַ קענטיקע פּאָליטישע אויפלעבונג צווישן די מיטגלידער פון מעטאַל פאַראיין איז אויפגעקומען אין די יאָרן 1920—1921, בעת דער דיסקוסיע אין בונד וועגן די 21 אויפנעם־באַדינגונגען פון קאָמאינטערן. אין יענער צײַט איז פון כעלעם געקומען אַרטור זיגלבוים, אַ סימפּאַטיזירער פון דער לינקער ריכטונג אין בונד, וועלכער איז געוואָרן אָנפירענדיקער פּראָפעסיאָנאַל אין מעטאַל־פאַראיין. ביז ער האָט זיך אַרײַנגעפּאַסט אין דער בונדישער ביוראָקראַטישער מאַשין, האָט ער פיל מיטגעהאָלפן פּאָליטיש און אָרגאַניזאַציאָנעל צו דערהייבן אונדזער פאַראיין. בעתן אַנטשטיין פונעם קאָמבונד אין 1921 האָט דער בונד אָנפאַרטרויט דעם זעלבן אַרטור זיגלבוים די אויפגאַבע צו ליקווידירן די פּאָליטישע טאָלעראַנץ. דער קאָמבונד צוזאַמען מיט די „רויטע" זענען פאַקטיש געווען אַ מערהייט און דער רירעוודיקסטער אַקטיוו אין פאַראיין, נאָר אַ דאַנק דעם ברוטאַלן טעראָר איז דעם בונד געלונגען אײַנצוהאַלטן דעם סטעמפּל מיטן לאָקאַל פונעם מעטאַל־אַרבעטער־פאַראיין. בעת די פאַראיינס־וואַלן אין 1923 איז טראָץ אַלע שיקאַנעס אויסגעוויילט געוואָרן אַ פאַרוואַלטונג פון 6 בונדאָווצעס און 5 „רויטע".

אין די דעמאָלטיקע יאָרן, ווען די רעאַקציע אין פּוילן האָט אָנגעהויבן איר אָפן־פאַשיסטישן אָנגריף, די תּפיסות זענען געוואָרן איבערגעפולט מיט פּאָליטישע אַרעסטירטע, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ מאַסן־עמיגראַציע וועלכע האָט מיטגעריסן אַ סך פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיין־טוערס וואָס דאָס אַלץ האָט מיטגעשטײַערט אָפּצושוואַכן דעם רעוואָלוציאָנערן ווידערשטאַנד קעגן דער אָפּאָרטוניסטישער אָפענסיווע אין די ייִדישע אַרבעטער פאַראיינען, איז געלונגען דעם בונד צו איינצוהאַלטן די פירערשאַפט אינעם ייִדישן מעטאַל־אַרבעטער־פאַראיין.

אין אַ ייִדישן געגנט, וואַלן

י. לעדערמאַן (ריאָ דע זשאַנעיראָ, בראַזיל)

דער 1טער האַנטווערקער - צוזאַמענפאָר אין וואַרשע נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה

דאָס אַרטיקל וואָס איך שרײַב דאָ איז נישט קיין געשיכטע. איך ווייס אויך נישט אויף וויפל דאָס קאָן זײַן אינטערעסאַנט פאַרן לייענער, אָבער דער עצם פאַקט פון נישט לאָזן פאַרגעסן ווערן אַלץ וואָס האָט אַ שײַכות מיט אונדזער פאַרגאַנגענהייט, פאַרפליכטעט אויך צו דערמאָנען דעם שיכט פון דער וואַרשעווער ייִדישער באַפעלקערונג וואָס האָט געלעבט, געקעמפט, געשאַפן, מיטגעמאַכט אַלע פריידן און ליידן פון ייִדישן לעבן און איז מער נישטאָ. אַ שטורעמדיקער ווינט האָט אַלץ מיטן וואָרצל אַרויסגעריסן, די מענטשלעכע פאַנטאַזיע רײַסט זיך פון די ענגע גרענעצן און עס ווילט זיך דערמאָנען זאַכן, בילדער פון די יאָרן וואָס זענען שוין ווײַט, ווײַט אַוועק. די טאָגזאָרגן און די לעבנסלאַסטן דערדריקן און דערשטיקן אין מענטשן זכרונות, וועלכע זענען פאַרבאַהאַלטן, פאַרחתמעט אויף 7 שלעסער און עס איז אָפט מאָל שווער, אינעם אַלגעמיינעם גערודער און געטומל פון לעבן צו שילדערן דאָס וואָס עס איז געווען. דאָס ברענגט טרויעריקע געדאַנקען וואָס לאָזן נישט רוען און פאָדערן פון יעדן ייִד, ווו ער זאָל זיך נישט געפינען, צו דערמאָנען דאָס וואָס איז אַוועק זאָל עס בלײַבן לזכר לדורות...

דערפאַר האַלט איך פאַר מײַן חוב, ווי ווײַט מײַן זכרון וועט מיר דערלויבן, אויפצולעבן אַ בינטל זכרונות פונעם אַמאָליקן ייִדישן האַנטווערקער־לעבן אין פוילן, וואָס האָט אַרײַנגעשריבן אַ שיין קאַפיטל אין דער געשיכטע פון ייִדן אין פוילן.

איך פרעטענדיר נישט אַרויסצוברענגען אין דעם אַרטיקל אַלץ וואָס עס איז געשען און געשאַפן געוואָרן אין די יאָרן וואָס איך האָב געלעבט און בין געווען טעטיק אין פוילן. עס איז אַ גאַנץ ווײַטער מהלך פון יאָרן, נאָר ווי איינער וואָס האָט אַליין מיטגעלעבט, מיטגעמאַכט אַלע פאָליטישע קאַמפן, אַלע פאַסירונגען און געשעענישן אין דעמאָלטיקן פויליש־ייִדישן לעבן, וועל איך נאָר איבערגעבן אין „פנקס וואַרשע" די אַלע פאַסירונגען פון מײַנע פערזענלעכע איבערלעבענישן ווי זיי האָבן זיך אויפגעהיט און פאַרבליבן אין מײַן זכרון פון יענער צײַט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ס'איז פאָרגעקומען דער ערשטער האַנטווערקער־צוזאַמענפאָר אין וואַרשע.

איצט וועל איך פרוּוון אַ בלעטער טאָן פון די פאַרגאַנגענע יאָרן דאָס לעבן פון ייִדישן בעל־מלאכה. פאַר דער 1טער וועלט־מלחמה האָט דער ייִדישער קליינער האַנטווערקער, אָדער בעל־מלאכה געבילדעט אַ פאַרלאָזטע מאַסע; דאָס אָרעמקייט איז געווען גרויס, נישט געווען קיין שום אָרגאַניזאַציע, בפרט אין די קלענערע שטעטלעך. זייער אָרגאַניזאַציע איז געווען דאָס בית־המדרש. צווישן מנחה און מעריב האָט איינער דעם צווייטן חבריש דערציילט זײַן אָרעמקייט, ליידן און אויך פריידן, זיי האָבן אין געזעלשאַפטלעכן לעבן נישט אָנטייל גענומען, צו די הויכע פענצטער קיין דריסת־הרגל נישט געהאַט. דער ייִדישער בעל־מלאכה איז שטענדיק געווען אַ ווערקצײַג אין די הענט פון שיינע ייִדן תקיפים און רעליגיעזן קלער, וועלכע האָבן געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפ. אַזוי איז געווען ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה.

די וועלט־מלחמה, די רעוואָלוציע, דער בירגערקריג, האָבן זיך אײַנגעשניטן אינעם ייִדישן אָרגאַניזם, צעשניטן און צעטיילט לענדער און מלוכות. אַזוי איז אויך געקומען צו אַן ענדערונג אינעם ייִדישן לעבן אין דעם נײַעם פוילן.

עס האָבן זיך גענומען אויסקריסטאַליזירן ריכטונגען, אידעיִשע שטרעמונגען, פאָליטישע פאַרטייען; די ייִדישע יוגנט איז אַרויס אויפן אייבערפלאַך אין אַ ברייטן פאַרנעם, געגרינדעט קלובן, ביבליאָטעקן, ספאָרטפאַראיינען. דאָס לעבן האָט אָן אויפהער געשטורעמט, און די ייִדישע גאַס האָט אויפגעברויזט. דער עלטערער דור, דער ייִדישער בעל־מלאכה, דער פשוטער גלייביקער ייִד, וואָס איז געווען דער רוב בנין ומנין פון ייִדישן כלל, נאָר צוליב זײַן אָרעמקייט און דערשלאָגנקייט האָט ער געבלאָנדזשעט אין עולם התוהו, ווײַט פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז אַ דאַנק דער יוגנט אויך אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דעם קאָך און אימפעט פון די געשעענישן. דער געזונטער חוש פון פאָלקסייִד האָט אויפגעכאַפט דעם אויפברויז און אויסגעשריי פון דעם אָרעם און האָט אויך גענומען פאָדערן פאַר זיך אַ פלאַץ בײַם פאָליטישן געזעלשאַפטלעכן קאַמף, און איז מיט אַ פאַראייניקטן כוח אויפגעשטאַנען תחית־המתים צום נײַעם לעבן. דער אויפקום פון אַן אומאָפהענגיקער פוילישער מלוכה האָט געגעבן האָפענונגען פאַר נײַע פערספעקטיוון, ווײַל די גאַנצע ווירטשאַפט איז צוליב די מלחמה־יאָרן געווען כמעט אין גאַנצן דעזאָרגאַניזירט. ס'האָט זיך געפאָדערט אַ שטאַרקע און פעסטע אָרגאַניזאַציע וואָס זאָל אַוועקשטעלן דעם ייִדישן קליינעם בעל־מלאכה און האַנטווערקער אויף זײַן פאָזיציע. אין דער צײַט איז אויפגעקומען די צענטראַלע פון ייִדישן האַנטווערקער אין וואַרשע, אויף נאַלעווקעס 2. כאָטש זי איז געווען אונטער דער השפעה פון דער דעמאָלט אָרגאַניזירטער פאָלקספאַרטיי, — די וואָרטזאָגערין אויף דער ייִדישער גאַס, די פאַרטיידיקערין פון ייִדישן קליינבירגערטום, קליינע בעל־מלאכות, האַנטווערקער און קליינהענדלער — האָט אָבער די צענטראַלע פראָקלאַמירט אירע אייגענע פאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע פאָסטולאַטן, אויסגעפאָרמירט די צענטראַלע און לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס, געשאַפן אייגענע פרעסע־אָרגאַנען, גענומען פירן אַ שטאַרקן קאַמף פאַר פאַרפעסטיקן און אויסברייטערן די ווירטשאַפטלעכע פאָזיציעס פונעם ייִדישן האַנטווערקער און קליינהענדלער.

דער צענטראַלער האַנטווערקער־פאַרבאַנד האָט גענומען פירן אַ שטאַרקע פראָפאַגאַנדע צווישן דעם ייִדישן האַנטווערקערטום און געהאָלפן אָרגאַניזירן אין אַלע שטעט און שטעטלעך האַנטווערקער־פאַראיינען. די אויפגאַבע פון די נײַגעשאַפענע האַנטווערקער־פאַראיינען איז געווען צו זיכערן די עקזיסטענץ פון ייִדישן בעל־מלאכה אויף אַלע געביטן. דאָס פאַרנעמען זיך מיטן ייִדישן בעל־מלאכה און האַנטווערקער האָט זיי געמאַכט פיל טעמפעראַמענטפולער, רייפער. דער האַנטווערקער איז געוואַלדיק אויסגעוואַקסן פאָליטיש און געזעלשאַפטלעך, געוואָרן שטאַרקער, באַוווּסזיניקער.

די ציוניסטן האָבן זיך שטאַרק באַמיט צוצוציִען דורך פאַרשידענע פראָפאַגאַנדע־מיטלען די האַנטווערקערס אויף זייער זײַט,

אָבער דאָס איז זיי קיין מאָל נישט געלונגען! אַ דאַנק דעם אויסגעוואַקסענעם פאָליטישן באַוווּסטזײַן פון די ברייטע ייִדישע מאַסן — האָט דער ייִדישער האַנטווערקער גענומען פירן אַן אָרגאַניזירטן קאַמף קעגן די אַלטע כלל־ישראל פאַרזאָרגער, וועלכע האָבן אייביקע יאָרן גערעדט און געשאַפן אין זײַן נאָמען; ער האָט מיט אייגענע אָרגאַניזירטע כוחות גענומען פאַרפעסטיקן זײַנע ווירטשאַפטלעכע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע פאָזיציעס.

אין יענער צײַט איז רײַף געוואָרן דער געדאַנק צו רופן דעם ערשטן האַנטווערקער־צוזאַמענפאָר. אין וואַרשע האָבן עקסיסטירט 2 האַנטווערקער־צענטראַלעס, איינע איז געווען אַ ציוניסטישע, אַ האַלב־אַסימילירטע נאָך פון פאַר דער מלחמה, וואָס האָט פאַרטראָטן די פאַבריקאַנטן און גרויסע האַנטווערקערס. די דאָזיקע צענטראַלע האָט קיין שום השפעה נישט געהאַט אויף דער גרויסער מאַסע האַנטווערקערס אין וואַרשע גופא, און אויך נישט אויף דער פּראָווינץ. זי האָט געהאַט אייניקע אָפּטיילונגען אין גרעסערע שטעט, ווי לאָדזש, ווילנע און ביאַליסטאָק. די צווייטע צענטראַלע, דער האַנטווערקער־פאַרבאַנד פון נאַלעווקעס 2, וועלכער איז אויפגעקומען נאָך דער מלחמה, האָט שוין אַרומגענומען צענדליקער פאַראיינען פון וואַרשע און אומגעגנט, ווי פליישער, שוסטער, שנײַדער, שמוקלער און בעקער, וואָס האָבן געציילט אין די טויזנטער מיטגלידער און אויך האַנטווערקער־אָפּטיילונגען אין אַ ריי שטעט און שטעטלעך. די אַנטשלאָסנקייט פון די מאַסן מיטגלידער האָט גורם געווען דערצו, אַז די צענטראַלע זאָל זיך שטעלן אין קאַמף צו פאַרטיידיקן זייער רעכט צום לעבן. די שווערע ווירטשאַפטלעכע לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן פון דער נײַער הערשנדיקער אָרדענונג, וועלכע האָט באַלד בײַ איר אָנהייב גענומען פירן אַ קאַמף קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג הן אויפן עקאָנאָמישן און הן אויפן קולטורעלן געביט, האָט באַזונדער שווער זיך געלייגט אויפן ייִדישן האַנטווערקער, ווען מען האָט נישט צוגעלאָזט צום צעכן־פאַראיין און נישט געגעבן קיין רעגירונג־אונטערשטיצונג, ווי רוישטאָפן צו דער אַרבעט און קרעדיטן צו קענען אויפבויען די וואַרשטאַטן, וואָס זענען אין דער מלחמה־צײַט צעשטערט געוואָרן.

די אַלע מאָטיוון האָבן געשטויסן צו פאַררופן תיכף דעם 1טן האַנטווערקער־צוזאַמענפאָר אין פּוילן, מיט דער ווײַטערדיקער טאָגאָרדענונג:

1) צוריק אויפבויען די חרוב געוואָרענע ייִדישע פאַבריקן און פאַרשטאַטן;

2) אָרגאַניזאַציע פון ביליקן קרעדיט;

3) קעגנזײַטיקע פאַרזיכערונג;

4) קאָנסום־פאַראיין;

5) פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוועס פאַר רוישטאָפן;

6) זאָרג פאַר פאָלקסגעזונט און ייִדישע סטאַטיסטיק;

7) אָרגאַניזאַציע;

8) אָרגאַניזירן ייִדישע צעכן־פאַראיינען.

דאָס זענען געווען די הויפּט־פאָדערונגען צו באַהאַנדלען אויפן צוזאַמענפאָר און זיי האָבן געגעבן אַ שטויס פאָרויס דעם ייִדישן האַנטווערקער פון גאַנץ פּוילן, ער זאָל זיך גרייטן צום צוזאַמענפאָר. די צענטראַלעס האָבן געשיקט שליחים איבער גאַנץ פּוילן צו אָרגאַניזירן האַנטווערקער־פאַראיינען, ווו אַזעלכע האָבן נאָך נישט עקסיסטירט. די בירגערלעכע פּאַרטייען, די פאָלקספּאַרטיי און די ציוניסטישע זענען געווען פאַראינטערעסירט צו באַקומען אַ גרעסערע צאָל דעלעגאַטן, בכדי צו קענען דאָמינירן דעם צוזאַמענפאָר. אויך אין מײַן שטאָט קאָזשעניץ (ראַדאָמער קרײַז) וואָס האָט געהאַט צוליב אירע אויסגעאַרבעטע לײַוונטענע שיך, אַ שם איבער גאַנץ פּוילן ווי דאָס שוסטערשטעטל, ווײַל בעת מען איז געגאַנגען איבער די גאַסן פון שטעטל האָט פון יעדער שטוב אַרויסגעזונגען אברהם רייזנס ליד „העמערל, העמערל קלאַפּ" (כמעט די גאַנצע שטאָט האָט געלעבט פון דעם פאַך), איז געקומען חיים ראַסנער, דער פאָרזיצער פון האַנטווערקער־פאַרבאַנד, אָרגאַניזירן דעם האַנטווערקער־פאַראיין און אונדז צוגרייטן צום צוזאַמענפאָר.

אין יענער צײַט האָט שוין עקסיסטירט בײַ אונדז אַ פאָלקספּאַרטיי, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן פון אַ גרופּע האַנטווערקער־יוגנט און עלטערע האַנטווערקערס. די אָרגאַניזאַציע האָט פאַקטיש פאַרנומען, ביז מײַן אַוועקפאָרן פון פּוילן אין 1927, דעם אויבנאָן פון דער גאַנצער קולטורעלער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין שטאָט. פאַרשטייט זיך אַז מיר זענען געווען פאַראינטערעסירט אַז אויף דעם צוזאַמענפאָר זאָלן פאָרן דעלעגאַטן פאָלקיסטן. איך האָב געהאַט די זכיה צו זײַן איינער פון די דעלעגאַטן צווישן וועלכע עס זענען אויך געווען צוויי עלטערע האַנטווערקערס, אַ שוסטער און אַ שנײַדער. מיך — דעם ייִנגסטן דעלעגאַט — האָבן זיי באַשטימט פאַרן ראש־המדברים. קומענדיק קיין וואַרשע אויפן צוזאַמענפאָר וועלכער איז פאָרגעקומען אין האַנטווערקער־פאַרבאַנד נאַלעווקעס נומער 2, זענען מיר באַגײַסטערט געוואָרן פון דער גרויסער צאָל דעלעגאַטן, כמעט פון גאַנץ פּוילן. אויב איך האָב נישט קיין טעות, זענען געווען איבער 1200 דעלעגאַטן. מיר האָבן דערזען פאַר זיך אַ גרויסע מאַסע פאַרהאָרעוועטע פאָלקסייִדן, וועלכע זענען געקומען אָרגאַניזירט. אויף צו להכעיס די וואָס ווילן דעם האַנטווערקער אָפּשוועכן, אַז ער זאָל מוזן פאַרמאַכן זײַן וואַרשטאַט אָדער פאַבריקל, ליגט אויף אים אַ חוב אָנצוהייבן באַפעסטיקן און פאַרשטאַרקן געאייניקט זײַנע פאָזיציעס. דער ייִדישער האַנטווערקער האָט דערפילט די אחריות, אַז ער מוז און דאַרף זײַן געבונדן מיטן אַרומיקן לעבן, דאַרף אַרײַנדרינגען אין די טיפענישן פון דעם ייִדישן לעבן, אין אַלע זײַנע ליידן און פריידן, אין זײַן חורבן און אויפבוי, אויסקעמפן אַן אָרט פאַר זײַנע עקאָנאָמישע און קולטורעלע פאָזיציעס. דערפאַר איז די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון יעדן דעלעגאַט געווען אַזוי גרויס, אַז עס איז גאָר נישט אָפּצושאַצן.

צום באַדויערן האָבן די רעכטע, ציוניסטישע און אַסימילירטע האַנטווערקערס, דערשפּירנדיק אַז זייער השפעה אויפן צוזאַמענפאָר איז אַ קליינע, גענומען זוכן מיטלען אַז דער צוזאַמענפאָר זאָל אויפגעריסן ווערן. דאָס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן בײַם עפענען דעם צוזאַמענפאָר. אויף פאָרזיצער זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן 2 קאַנדידאַטן: נח פּרילוצקי און יצחק גרינבוים. צוויי טעג איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף צווישן ביידע פּאַרטייען. זייער קעמפעריש איז געווען די פאָלקיסטישע גרופּע און געזיגט האָט די קאַנדידאַטור פון נח פּרילוצקי. די ציוניסטישע גרופּע, דערזעענדיק די גרויסע באַגײַסטערונג וואָס עס האָט אַרויסגערופן בײַ די דעלעגאַטן דער פאָרזיצער, ווי אויך דאָס פּראָקלאַמירן דעם נײַ־אויסגעוויילטן צענטראַל־קאָמיטעט, וועלכער איז באַשטאַנען פון אַ פאָלקיסטישער מערהייט, האָט גענומען זוכן הינטערוועגן כדי צו צעברעכן די צענטראַלע, דורך צונעמען די גרויסע הילף וואָס דער „דזשאָינט" האָט אין יענער צײַט געגעבן דעם האַנטווערקער־פאַרבאַנד. אָבער די שטאַרקע פּראָטעסטן פון דער גרויסער צאָל האַנטווערקער־פאַראיינען האָבן אָפּגעשראָקן די ציוניסטן, און דער צענטראַלער האַנטווערקער־פאַרבאַנד פון נאַלעווקעס 2 איז פאַקטיש געוואָרן דער וואָרטזאָגער פון ייִדישן האַנטווערקער פון גאַנץ פּוילן. די פּראָווינץ האָט אויסגעפירט אַלע באַשלוסן וואָס זענען געקומען פון דער צענטראַלע.

דער צענטראַלער האַנטווערקער־פאַרבאַנד האָט באַקומען דעם הורטאײַנקויף פון רוישטאָפן, געשאַפן קאָאָפּעראַטיוון אויף פונאַנדערצוטיילן די רוישטאָפן אין אַלע זײַנע אָפּטיילונגען, אָרגאַניזירט לײַקאַסעס אויף דער פּראָווינץ מיט אַ האַנטווערקער־באַנק אין וואַרשע, וואָס האָט געשטיצט די לײַקאַסעס. דער „דזשאָינט" איז געקומען צו הילף דער האַנטווערקער־באַנק אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון נח פּרילוצקי, וואָס איז געווען אין אַמעריקע באַלד נאָך דער מלחמה. די לײַקאַסעס זענען מיט דער צײַט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בענק, וועלכע האָבן באַדינט און געהאָלפן טויזנטער האַנטווערקערס פעסט אַוועקצושטעלן זייערע פאַבריקלעך און וואַרשטאַטן.

דער האַנטווערקער־פאַרבאַנד האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ וואָכנבלאַט מיטן נאָמען „האַנטווערקער" וואָס האָט אַרומגענומען דאָס גאַנצע האַנטווערקער־לעבן און זײַן אָרגאַניזאַציע.

בײַ די 2טע סיימוואַלן איז דער האַנטווערקער־פאַרבאַנד געגאַנגען געאייניקט מיט אַ ליסטע פון דער פאָלקספּאַרטיי און חיים ראַסנער, דער פאָרזיצער פון האַנטווערקער־פאַרבאַנד, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סיים־דעפּוטאַט. אַזוי האָט דער ייִדישער האַנטווערקער און קליינער בעל־מלאכה מיט אייגענע אָרגאַניזירטע כוחות פאַרפעסטיקט זײַנע ווירטשאַפטלעכע, געזעלשאַפטלעכע און

קולטורעלע פּאָזיציעס. ער האָט ברייט צעשפּרייט זײַנע פליגל און אַליין געזוכט צו לייזן זײַנע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען, וואָס זענען דאַן אַנטשטאַנען מיט זייער גאַנצער שאַרפקייט און פאַרנעם. דאָס האָט זיך באַזונדער געמערקט בעת די וואַלאַקציעס צום סיים, שטאָטראַט און קהילות וואַלן. צוליב די גזירות גראַבסקי, וואָס האָבן געבושעוועט אויף דער ייִדישער גאַס און האָבן וואָס אַ טאָג שווערער געמאַכט דאָס ייִדישע עקאָנאָמישע לעבן אין פּוילן, איז די עמיגראַציע פון ייִדישן קליינבירגערטום שטאַרק אויסגעוואַקסן. אָבער ביז 1927 בין איך געשטאַנען בײַ דער אַרבעט אין די רייען פון ייִדישן קליינבירגערטום, האַנטווערקער און קליינהענדלער און אַלס פאָלקיסט צוזאַמען מיט זיי געשאַפן, געבויט דאָס קולטור־לעבן, מיטגעקעמפט אין אַלע זייערע אונטערנעמונגען, קולטורעלע, עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע. ס'זענען שוין אַוועק יאָרן און יאָרן פון יענער צײַט, ס'איז געקומען דער ווילדער מלחמה־גרויל, די וועלט־משוגעת פון נאַצי־פאַשיזם, די אוממענטשלעכע ליידן און פּײַן פון די אומשולדיקע מיליאָנען ייִדישע לעבנס וואָס זענען געוואָרן קרבנות פון דעם אומזיניקן פאַשיסטישן שפּיל. קיין פאַרענטפערונג וועט דעם פלעק נישט אָפּרייניקן, ביז דער גאַנצער פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם און אַלע מלחמה־צינדער וועלן פאַרניכטעט ווערן! זאָל דאָס געשריבענע בלײַבן לזכרון לדורות, ווי אַ מצבה פאַר די טײַערע, האָרעפּאַשנע פאָלקסייִדן, וועלכע האָבן אַזוי שיין געלעבט, געקעמפט און געשאַפן ייִדיש לעבן, ביז אַ בייזער שטורעמווינט האָט אַלץ מיט דעם וואָרצל אַרויסגעריסן. איך וועל פאַרענדיקן מיט די ווערטער:

„חבל על דאבדין ולא משתכחין...”

ערב ראש השנה ה"תשי"ג, סעפּטעמבער 1953.

יונתן גרינבוים (ישראל)

מייַנע זכרונות וועגן דער וואַרשעווער ייִדישער יוגנט

אין זכרון האָט זיך מיר איַינגעקריצט אַ סילוועסטער־נאַכט אין דער וווינונג פון די ראָזענוואַלדס אין וואַרשע. זייערע קינדער שוין דערוואַקסענע, אַ ברודער און אַ שוועסטער — ער אַ שילער פון 7טן קלאַס, זי פון 5טן — האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש פון די עלטערן איַינצואָרדענען אַ סילוועסטער־אָוונט אין דער היים. די עלטערן אַליין זענען אַוועק זיך וויַילן און האָבן געזאָלט ערשט צוריקקומען פאַר טאָג.

ס'האָבן זיך פאַרזאַמלט עטלעכע צענדליק ייִנגלעך און מיידלעך וואָס האָבן זיך אויסגעזעצט אין עסצימער, טייל אויף בענקלעך און די איבעריקע פּשוט אויפן פּאָל. אַ מאָדנע פאַרוויַילונג איז דאָס געווען אָן מוזיק און אָן טענץ! איינער פון די פאַרזאַמלטע האָט גערעדט און אַלע האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. דאָס איז געווען די ערשטע אַלגעמיינע קאָנפערענץ פונעם „פאַרבאַנד פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט פון די וואַרשעווער מיטלשולן”. דער פאַרקירצטער נאָמען איז געווען „זמ”ס” (זוויאָנזעק מלאָדזשעזשי סאָציאַליסטיטשנעי)”.

דער זמ”ס איז אַנטשטאַנען אויף וויפיל איך געדענק אין יאָר 1926. ס'האָבן אים געגרינדעט אַוועקגעגאַנגענע פון השומר הצעיר אין יאָר 1925, ווען ס'איז דאָרט פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג און עטלעכע הונדערט מיטגלידער האָבן פאַרלאָזט די אָרגאַניזאַציע. די מערהייט פון זיי זענען אַוועק צו די קאָמוניסטן און בלויז קליינע גרופּעס זענען אַריבער צו די לינקע פּועלי ציון און אפילו צו די אַנאַרכיסטן.

דער השומר הצעיר האָט אָנגעהויבן ווערן טעטיק אין קאָנגרעס־פּוילן באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. דאָס איז געווען אַן „אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע” יוגנטלעכע סקויט־אָרגאַניזאַציע מיט אַ שטאַרק פאַרנעפּלטער אידעאָלאָגיע. איז בײַ דער יוגנט געווען דער אויסדרוק פון בונטאַרישקייט קעגן דער ייִדישער ווירקלעכקייט. דער וואַרשעווער השומר הצעיר האָט געהאַלטן אַז ער איז אַן אַלגעמיינע באַוועגונג פון דער ייִדישער יוגנט, און אַז די יוגנטלעכע גופא וועלן זיך אויסאַרבעטן אַן אייגענעם וועלט־באַנעם. די יוגנט־אָרגאַניזאַציע דאַרף דעריבער זײַן אומאָפּהענגיק.

דער השומר הצעיר האָט זיך אַנטוויקלט אונטערן איַינפלוס פון 2 אידעאָלאָגיעס: פון איין זײַט דער ציוניזם, און דער עיקר דער ראָמאַנטיזם פון די פּאַלעסטינער חלוצים און די מיטגלידער פון דער ייִדישער זעלבשוץ־אָרגאַניזאַציע „השומר”; און פון דער אַנדערער זײַט —די אידעאָלאָגיע פון דער דײַטשער יוגנט־באַוועגונג, די ראָמאַנטיק פון יוגנטלעכער פריַינדשאַפט, די מרידה קעגן דעם עלטערן דור, דאָס זוכן נײַע וועגן.

אין די 20ער יאָרן איז די ייִדישע יוגנט אין פּוילן מאַסנווײַז אַריַינגעטראָטן אין די רייען פון השומר הצעיר, ספּעציעל די שול־יוגנט. די אידעאָלאָגיע פון דער דאָזיקער באַוועגונג איז טאַקע געווען אַ פאַרנעפּלטע אָבער איר שטרעבונג צו עפּעס נײַעס און די לאָזונג פון אידעיִשער זעלבסטשטענדיקייט האָבן פולשטענדיק אויסגעדרוקט דעם געדאַנקען־גאַנג פון דער ייִדישער יוגנט און דער עיקר פון דער שול־יוגנט.

די אַלטע ייִדישע וועלט האָט זיך געהאַלטן אין צעפאַלן, די אַלטע ייִדישע באַשעפטיקונגען האָבן זיך איַינגעשרומפּן פון יאָר צו יאָר. די ייִדישע קרעמלעך, די בעל־מלאכהשע וואַרשטאַטן האָבן זיך געראַנגלט מיט די לעצטע כוחות קעגן אומקום. די ייִדישע יוגנט האָט נישט געקענט גיין אויף די פון הונדערטער יאָרן אויסגעטראָטענע וועגן פון זייערע טאַטעס, זיידעס און עלטער־זיידעס, אין דעם גוסדיקן באַקראַט־קרעמל פון די עלטערן האָט די יוגנט נישט געהאַט וואָס צו טאָן. די ענדעקיש־סאַנאַטאָרישע מלוכה האָט נישט געגעבן דער ייִדישער יוגנט קיין שום פּערספּעקטיוו. אין אַזאַ פּוילן איז פאַר די ייִדן נישט געווען קיין שום צוקונפט. ס'איז פאַר זיי נישט געווען קיין פּלאַץ נישט אין די פאַבריקן, נישט אין די קוילנגרובן און אויך נישט אין די רעגירונגס־אַמטן אָדער אויף מוניציפּאַלע שטעלעס. איז דעריבער נישט קיין וווּנדער וואָס אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט אַ שטאַרקער אידעאָלאָגישער אויפברויז אַרומגעכאַפּט די ייִדישע יוגנט און טויזנטער ייִנגלעך און מיידלעך האָבן ערנסט גענומען דאָס „זוכן נײַע וועגן מצד דעם השומר הצעיר”. זיי האָבן געזוכט דעם אמת און די בעסטע פון זיי האָבן אים געפונען אין מאַרקסיזם. מיט דער צײַט איז דער מאַרקסיזם געוואָרן אַ באַשטאַנדטייל פון דער שומרישער דערציִונג. די שומרישע אידעאָלאָגיע האָט זיך באַזירט אויף דרײַ ריכטונגען: ציוניזם, מאַרקסיזם און די אידעאָלאָגיע פון דער דײַטשער יוגנט־באַוועגונג. דאָס אָנשפּאַרן זיך אויף דרײַ סתירותדיקע אידעאָלאָגיעס האָט געמוזט אונטערברעכן דעם גליַיכגעוויכט פון השומר הצעיר און דערפון האָבן זיך טאַקע גענומען די אָפטע שפּאַלטונגען. וואָס אַ מאָל האָבן גרעסערע צאָלן מיטגלידער פאַרלאָזט די רייען פון דער אָרגאַניזאַציע, אַנטלויפנדיק פון דער אַזוי גערופענער „טראַגישער סתירותדיקייט” פון השומר הצעיר.

טראַגיש איז דעמאָלט בכלל געווען דאָס ייִדישע לעבן אין פּוילן. הונדערטער טויזנטער ייִדן האָבן באַלאַגערט די פּאַלעסטינעאַמטן, וועלנדיק זיך באַפריַיען פון די פאַרפאָלגונגען און אָנהייבן אַ נײַ לעבן אין ארץ־ישראל. און אין דעם אויסגעחלומטן לאַנד איז צו די עקאָנאָמישע קריזיסן צוגעקומען בלוטיקע אומרוען און דערצו האָט די ענגלישע קאָלאָניאַלע רעגירונג וואָס אַ מאָל מער באַגרענעצט די אימיגראַציע קיין ארץ־ישראל.

אין 1928 גרייט זיך די סאַנאַציע־רעגירונג צו פײַערן דאָס ערשטע יאָרצענדליק פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט. אַלע וואַרשעווער שולן דאַרפן שיקן דעלעגאַציעס מיט בלומען און באַגריסונגען צום בלוטיקן פאַשיסטישן דיקטאַטאָר פון לאַנד — פּילסודסקין. יעדער שילער אָנהייבנדיק פון פערטן קלאַס, דאַרף אונטערשריַיבן אַ דאַנקאַדרעס צו פּילסודסקין, וואָס די דעלעגאַציע וועט איבערגעבן איינעם פון זײַנע אַדיוטאַנטן.

אין דער מיטלשול פון פּרוי פּרילוצקי איז גראָד אַ הפסקה און די שילערינס פון צווייטן און דריטן שטאָק פאַרלאָזן דעם קלאַס לויפנדיק איבער די טרעפּ מיט יוגנטלעכן געטומעל. אָבער וואָס נענטער זיי קומען צום אַרויסגאַנג אַלץ געדיכטער ווערט דער עולם יוגנטלעכע. נישט בלויז חברטעס פון דער שול, נאָר אויך עפּעס אַ גרופּע שילערס פאַרשטעלן דעם אַרויסגאַנג און באַמִיען זיך אויפצוקלערן די חברטעס וועגן עפּעס אַן ענין וואָס ווײַזט אויס צו זײַן גאַנץ וויכטיק. דערווײַל ווערן אַלע טרעפּ אָנגעפּילט פון די דערשטוינטע שילערינס, אין דערוואַרטונג פון עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכער געשעעניש. פּלוצלינג באַווײַזט זיך אין דער הייך אַ שילער

פון אַ יאָר 16 מיט אַ קינדיש פּנים וואָס איז בלאַס פון שרעק און עמאָציע. ער הייבט אָן צו רעדן און זײַן שטים ווערט אַלץ דרייסטער און שטאַרקער:

חברטעס! דער בלוטיקער פּוילישער פאַשיזם וויל, מיר זאָלן באַדאַנקען זײַן נישט ווייניקער בלוטיקן פירער, דעם העלד פון יאַבלאָננע, פּילסודסקין. פאַר וואָס זאָלן מיר אים דאַנקען? פאַר דער אַלץ וואַקסנדיקער עקאָנאָמישער אומזיכערקייט? פאַר אונדזער צעטראָטענע יוגנט? פאַר אונדזער צוקונפט אָן שום האָפענונג? פאַרן „נומערוס קלאַוסוס” אין די אוניווערסיטעטן? די רעגירונג און איר אָנפירער פאַרלאַנגען אונדזער בלוט! זיי גרייטן אַ מלחמה קעגן ראַטן־פאַרבאַנד, קעגן דער ערשטער מלוכה פון אַרבעטער און־פּויערים. דערפאַר טרײַבן זיי אונדז אײַערע חברים, צו מיליטערישע איבונגען. נידער מיט דער פאַשיסטישער רעגירונג פון נויט און קריג! נידער מיט פּילסודסקין! קיין איינע פון אײַך וועט נישט אונטערשרײַבן דעם דאַנקאַדרעס צו פּילסודסקין! זאָל לעבן דער פאַרבאַנד פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט!”

דער מיטינג האָט זיך פאַרענדיקט און דער רעדנער איז גלײַך פאַרשוווּנדן. די איבערראַשטע שילערינס צעגייען זיך און רעדן אַרום דעם ענין וואָס דער רעדנער האָט באַהאַנדלט.

אַ מאָדנע אָרגאַניזאַציע איז געווען די זמ״ס (זעט־עם־עס). אָנגעהויבן האָט זי זיך פון קרײַזלעך צו שטודירן מאַרקסיזם, אָבער די מאַרקסיסטישע לערע מיינט נישט צו באַנוגענען זיך מיט בלויז ביכער און דערפאַר האָט די אָרגאַניזאַציע גערופן צו מעשים. די אָרגאַניזירטע יוגנט פון די מיטלשולן פירט אָן אַן ענערגישע און אַלזײַטיקע טעטיקייט. הונדערטער שילערס פון די העכערע קלאַסן פאַרדינען אויף זייער אויסקום דורך געבן לעקציעס. די זמ״ס אָרגאַניזירט דעריבער אַ פאַרבאַנד פון קאָרעפּעטיטערס. דער ענערגישער קאַמפּיין קעגן „באַדאַנקען” פּילסודסקין האָט דערפירט דערצו, אַז הונדערטער שילערס האָבן נישט קוקנדיק אויף די דראָונגען און טעראָר זיך אָפּגעזאָגט צו חתמענען דעם „אַדרעס”. די שול־פאַרוואַלטונגען וואַרפן אַרויס די „אָנפירערס” און אין די שולן ברעכן אויס שטרײַקן. אין יאָר 1929 שאַפט אָפּ דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט, צוליב אײַנשפּאָרונג, די ביליקע טראַמוויי־בילעטן פאַר שילערס. אין די שולן הייבט זיך דאָן אָן אַ מעכטיקע פּראָטעסט־באַוועגונג. אַ דעמאָנסטראַציע פון אַ סך הונדערטער שילערס מאַרשירט צום מאַגיסטראַט.

אין דער זמ״ס האָט געהערשט אַן אײַזערנע דיסציפּלין און דאָס האָט זיך ספּעציעל אַרויסגעוויזן אין שײַכות מיט די פאָרגעקומענע דעמאָנסטראַציעס, באַזונדערס די פון ערשטן מײַ. די ערשטע מײַ־דעמאָנסטראַציעס זענען שוין פון לאַנג אַ וואַרשעווער טראַדיציע. אין דעם ענדעקישן און סאַנאַציע־פּוילן זענען דעם ערשטן מײַ אַרויס אין די וואַרשעווער גאַסן צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, נישט געקוקט אויף דעם ווילדן טעראָר פון דער פּאָליציי און די פאַשיסטישע באַנדעס. אין די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס שפּאַנען אַקסל בײַ אַקסל מיט די אַרבעטער די מיטגלידער פון זמ״ס. דעם ערשטן מײַ 1926 האָט זיך געגאָסן בלוט אויף די וואַרשעווער גאַסן. אַ גרויסע מאַסע דעמאָנסטראַנטן האָט זיך פאַרזאַמלט אויפן טעאַטער־פּלאַץ אונטער די פענער פון די קאָמוניסטן.

נאָך די רעדעס האָבן די פּעפּעסישע גרופּעס פאַרלאָזן דעם טעאַטער־פּלאַץ אָבער זייער „באָיוּווקע” האָט דורך אַן אומדערוואַרטן מאַנעוור פאַרנומען אַלע אַרויסגענג פון טעאַטער־פּלאַץ און מיט רעוואָלווערן אין די הענט געצוווּנגען די קאָמוניסטן צו בלײַבן אויף די ערטער. פּלוצלינג האָבן פון די אַרומיקע גאַסן זיך באַוויזן אַגענטן פון דער געהיים־פּאָליציי וואָס האָבן צוזאַמען מיט דער „באָיוּווקע” פון פּפּ״ס געעפנט אַ העפטיק פײַער אויף די קאָמוניסטן. ס'זענען דאָן געפאַלן אַ סך טויטע און נאָך מער זענען אַרויס פאַרוווּנדעט. צוליב דעם דאָזיקן גרויזאַמען בלוטבאָד האָבן זיך דעם ערשטן מײַ 1927 צוגעשטעלט צו דער דעמאָנסטראַציע גאָר ווינציק מיטגלידער פון זמ״ס. דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון זמ״ס האָט דאָן באַשלאָסן אָננצונעמען ענערגישע סאַנקציעס. די זמ״ס איז געווען אָרגאַניזירט אויף דער באַזע פון שולקעמערלעך, אָדער ריכטיקער — קלאַסקעמערלעך. אין אַלע קעמערלעך הייבט זיך אָן אַ שטרענגען אויספאָרשונג וועגן די סיבות פאַר וואָס די מיטגלידער זענען נישט געקומען צו דער דעמאָנסטראַציע. וואָכן לאַנג האָט זיך געצויגן די אויספאָרשונג און דער סוף איז געווען אַז דער וואַרשעווער קאָמיטעט האָט אָפּגעשטעלט פון דער מיטגלידערשאַפט כמעט אַ העלפט פון דער אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע סאַנקציע האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די דיסציפּלין פון דער זמ״ס, וואָס איז געוואָרן אַ מוסטער פון אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַן אײַזערנער דיסציפּלין.

ס'איז נישט קיין צופאַל וואָס דווקא וואַרשע האָט די ערשטע אויפגעהויבן די קאַמפּספאָן קעגן די היטלעריסטישע מערדער. וואַרשע איז די שטאָט פון רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס וואָס זענען געקומען צום אויסדרוק דורך מאַסן־אַרויסטריטן פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג — אײַנשליסלעך די דאָרטיקע ייִדן — קעגן די אייגענע און פרעמדע אונטערדריקערס. אַזוי איז געווען בעת די אויפשטאַנדן פון 1830 און 1863, שפּעטער אין די העלדישע קאַמפן פון ערשטן „פּראָלעטאַריאַט” פון וואַרינסקין, אין די באַוואָפנטע מאַניפעסטאַציעס פון 1905 ביז די עקשנותדיקע קאַמפן קעגן די אייגענע רעגירונגען פון דער נײַער טאַרגאָוויצע, פון דער פּריציש־קאַפּיטאַליסטישער ענדעציע אין דער „פּילסודטשינע”:

אין 1926 זענען פאָרגעקומען וואַלן צום וואַרשעווער שטאָטראַט. די ליסטע פון אַרבעטער־איינִיקייט, געשטיצט פון די קאָמוניסטן, איז געוואָרן געפּסלט. די וואַרשעווער קאָמוניסטן האָבן פון דעסט וועגן אויפגעפאָדערט די באַפעלקערונג צו שטימען פאַר די געפּסלטע ליסטע און ס'האָבן פאַר איר געשטימט 66.000 בירגער, ד״ה מער ווי פאַר די לעגאַלע ליסטעס פון פּפּ״ס, בונד, „ייִדישן נאַציאָנאַלן בלאָק” און אַנדערע. צווישן די 66.000 שטימען זענען 25.000 געווען ייִדישע בעת דער בונד האָט באַקומען ווייניקער פון 18.000 שטימען.

די ייִדישע יוגנט אין וואַרשע האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די דעמאָלטיקע צאָלרײַכע קאָמוניסטישע מאַניפעסטאַציעס און דאָס האָט נישט איין מאָל געמיינט אײַנשטעלן דאָס לעבן. אַזעלכע אַרויסטריטן האָבן געהאַרטעוועט די ייִדישע יוגנט, געמאַכט זיי מער אויסהאַלטעוודיק און מוטיקער. די מאַניפעסטאַציעס זענען פאָרגעקומען אין שײַכות מיט די אינטערנאַציאָנאַלע טעג פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, ווי דער ערשטער מײַ, דער ערשטער אויגוסט, דער טאָג געווידמעט דעם קאַמף קעגן מלחמה, דער אינטערנאַציאָנאַלער טאָג פון דער יוגנט אין סעפּטעמבער, דער 7טער נאָוועמבער, דער אינטערנאַציאָנאַלער פרויענטאָג אין מאַרץ, און אַנדערע. ס'זענען אויך פאָרגעקומען מאַניפעסטאַציעס קעגן טעראָר פון דער רעגירונג, קעגן די קאָמוניסטישע פּראָצעסן, אָדער מאַניפעסטאַציעס פון אַרבעטסלאָזע, צי אויך פון שטרײַקנדיקע אַרבעטער. די פּאָליציי האָט ווילד צעטריבן די דאָזיקע מאַניפעסטאַציעס, געשאָסן, געשלאָגן און אַרעסטירט.

עטלעכע הונדערט אַרבעטער מאַרשירן איבער לעשנע, ייִדן און פּאָליאַקן צוזאַמען. דאָס איז אַ קלאָרער באַווײַז אַז ס'האַנדלט זיך וועגן אַ קאָמוניסטישער מאַניפעסטאַציע. איבער די מאַרשירער פלאַטערט אַ רויטער טראַנספּאַראַנט מיט דער אויפשריפט „נידער מיט דער פאַשיסטישער רעגירונג”. ס'איז דער ערשטער מײַ. די מאַרשירנדיקע איבער לעשנע זענען אַרבעטער פון פּאָוואָנזקער ראַיאָן. פּלוצלינג באַווײַזט זיך הינטער די דעמאָנסטראַנטן אַן אָפּטיילונג רײַטער־פּאָליציי וואָס לאָזט זיך מיט אַנטבלויזטע שווערדן אויף די אַרבעטער. אָבער צוקומענדיק נענטער האָט זי שוין פון דער דעמאָנסטראַציע נישט געזען קיין שפּור. דער מיטן גאַס איז געווען אָפּגעליידיקט. דערפאַר זענען אָבער די טראָטואַרן פול געווען מיט שפּאַצירערס. און אַ מאָדנע זאַך: אַלע האָבן געשפּאַנט אין איין ריכטונג. די פּאָליציי ציט זיך באַלד צוריק אָבער ווי נאָר זי פאַרשווינדט באַווײַזט זיך ווידער אויף דער גאַס אַ קאָמוניסטישע דעמאָנסטראַציע.

נישט אַלע מאָל איז אָבער אַזוי געשען! ס'האָט זיך אויך געטראָפן אַז די פּאָליציי זאָל מיט די פערד אַרויף אויפן טראָטואַר און שלאָגן די פאַרבײַגייערס אויף רעכטס און אויף לינקס, נישט אַרײַנגייענדיק דערין ווער ס'איז יאָ און ווער נישט קיין מאַניפעס־

טאַנט. אָפּט האָט די פּאָליציי שוין פון ווייַטן געשאָסן אויף די דעמאָנסטראַנטן און דעמאָלט איז דער ברוק פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט.

דאָס האָט אָבער נישט געשטערט די קאָמוניסטישע דעמאָנטראַציעס און אַזוי האָט אָנגעהאַלטן יאָרן.

די ייִדישע יוגנט איז געוואָרן פאַרהאַרטעוועט אין די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס און ס׳איז גאָרנישט קיין וווּנדער אַז ווען ס׳איז געקומען דער מאָמענט פון העכסטן פּרווו, ווען דער טויט — דער שרעקלעכער טויט פון די הענט פון די היטלער־מערדערס — האָט געלויערט אויף יעדן ייִד, האָט די וואַרשעווער ייִדישע יוגנט די ערשטע אויפגעהויבן די פאָן פון אויפשטאַנד,* פון דעם אומפאַרגעסלעכן העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

* * *



אין קראַשינסקיס גאָרטן — לייענענדיק אַ צײַטונג

דוויד דיאַמאַנט (פּאַריז)
לייטער פון דאָקומענטאַציע־צענטער
ביים „פאַרבאַנד פאַר ווידערשטאַנד און
קעגנזייטיקער הילף" (אוניאָן) פּאַריז.

מאַרטירערטום און גבורה פון וואַרשעווער ייִדן אין שפּאַניע און אין פראַנקרייך

דער חשובער מחבר פון דער דאָזיקער וויכטיקער מיטאַרבעט שרייבט אין זיין אַריינפיר־וואָרט אַז ר'איז דאָ נישט אויסן געווען צו געבן אַ סינטעטישע אַרבעט וועגן די וואַרשעווער אין פראַנקרייך ווי וועגן עפּעס אַ העמאָגראַפישער איינהייט. ער האַלט אַז אין דער ווירקלעכקייט קען נישט זיין קיין שום רייד וועגן געאָגראַפישע, עקאָנאָמישע אָדער אַנדערע פאַקטאָרן וואָס זאָלן פאַרבינדן די אויסגעוואַנדערטע וואַרשעווער אין נייעם לאַנד ווו זיי האָבן זיך באַזעצט.

„ס'איז אמת — שרייבט ער — אַז איינוווינער פון אַ סך שטעט און שטעטלעך האָבן אין פראַנקרייך געשאַפן לאַנדסמאַנשאַפטן מיט באַשטימטע צילן, אָבער די דאָזיקע מענטשן זענען שוין לכתחילה געווען פאַרבינדן צווישן זיך מיט פעדעם פון פריינדשאַפט, קרובהשאַפט אָדער, צום ווינציקסטן, דורך קאַנטשאַפט צווישן זיך און אַפילו פון די עלטערן און זיידעס".

אָבער דאָס איז נישט געווען חל אויף די וואַרשעווער.

„זייער כאַראַקטעריסטיק, ווי פון איינוווינער פון יעדער גרויסער שטאָט, איז אַז זיי קענען אָפּווינען אין זעלבן הויז יאָרן און זיך נישט קענען. אין פראַנקרייך, און באַזונדערס אין פּאַריז, האָבן די וואַרשעווער זיך געקענט געפינען אין זעלבן פאַך, זיין טעטיק אין זעלבן פראָפעסיאָנעלן פאַראיין אָדער קולטור־אינסטיטוציע און נישט וויסן צו מאָל אַז זיי זענען פון דער זעלבער שטאָט. אַפילו די ספּעציפישע אויסשפּראַך פונעם וואַרשעווער האָט זיך דאָ אין געמישטן ייִדיש פון פאַרשידענע געגנטן געענדערט".

די געשיכטע פון העלדישן קאַמף און טראַגישן אומקום פון די וואַרשעווער אין פראַנקרייך — האַלט דער מחבר — איז בלויז אַ טייל פון דער געשיכטע פון גאַנצן פראַנצויזישן ווידערשטאַנד־קאַמף און מאַרטירערטום און דעריבער וועט ער בלויז געבן „טיפּן פון וואַרשעווער ייִדן אין פראַנצויזישן ווידערשטאַנד־קאַמף, עפּיזאָדן, געשעענישן און פאַקטן אין דער געשיכטע פון דער דייטשער אָקופּאַציע, ביי וועלכער די וואַרשעווער האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע".

דער מחבר ווייזט אָבער אָן אַז די באַטייליקטע וואַרשעווער אין דער רעזיסטאַנס זענען געווען פון דעם זעלבן עלעמענט — און אָפט אויך די זעלבע פּערזאָנען — וואָס האָבן מיט עטלעכע יאָר פריִער געקעמפט העלדיש אויף די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע. דעריבער הייבט ער אויך אָן זיין אַרבעט מיט שילדערונגען פון יענער גרויסער עפּאָפּעע ווו די בעסטע פון דער מענטשהייט זענען געקומען צו הילף דעם העראָישן שפּאַנישן פאָלק אין זיין קאַמף קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם.

דער חבר דוויד דיאַמאַנט האַלט — און מיט רעכט — אַז ס'איז אוממעגלעך אַז אין „פּנקס וואַרשע" זאָלן נישט דערמאָנט ווערן די העלדן און מאַרטירער פון וואַרשעווער אין פראַנקרייך און ער איז זיכער אַז די אַלע ווייטער אַרויסגעבראַכטע „פאַקטן וועלן מיט זייער אויטענטישקייט, פּינקטלעכקייט און היסטאָרישער באַדייטונג אַרויסרופן שטאָלץ ביי די לעבן געבליבענע וואַרשעווער" און אַז „דער העלדישער ביישפּיל פון די זין און טעכטער פונעם שטאָלצן וואַרשע וועט פאַר יעדן קענען לויכטן אין זיין קאַמף פאַר מענטשלעכער פרייהייט און סאָציאַלער גערעכטיקייט".

מיט געווער אין האַנט אויף די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע

די ערשטע פאָרמען פון אַנטיפאַשיסטישן באַוואָפנטן קאַמף ווו ייִדן האָבן גענומען אַ שטאַרק אַקטיוון אָנטייל איז געווען אין שפּאַניע. אין אַלע לענדער האָט אָפּגעקלונגען דער רוף פון פאַרפייניקטן שפּאַנישן פאָלק אויפצושטיין קעגן זיינע הענקער. אַ סך וואַרשעווער, וועמען עס האָט גערופן דאָס געפיל פון שינאה צום פאַשיזם און ליבע צו פרייהייט, האָבן דעם דאָזיקן רוף אויפגענומען און זענען געלאָפן קעמפן אין שפּאַניע. אַלע זענען זיי געפאָרן דורך פראַנקרייך. די יעניקע וועלכע זענען געקומען דירעקט פון וואַרשע זענען אומפאַרמיידלעך דורכגעגאַנגען דורך פּאַריז, בלייבנדיק דאָ אַ לענגערע אָדער קורצערע צייט. נאָך דעם פאַל פון דער שפּאַנישער רעפּובליק זענען אַ טייל ייִדישע פרייהייטס־קעמפער צוריקגעקומען קיין פראַנקרייך, אַ צאָל פון זיי איז געבליבן פריי, אַנדערע זענען אינטערנירט געוואָרן אין פראַנצויזישע לאַגערן, דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אַפריקע אָדער גאָר אויף טויט אין אוישוויץ. די רומפולע טראַדיציעס פון די ייִדישע שלאַכטלייט אין שפּאַניע זענען אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע פאָרגעזעצט געוואָרן ביי אַנדערע באַדינגונגען. די גרינדער פון דער ערשטער ייִדישער פּאַרטיזאַנען־איינהייט אין פּאַריז זענען טאַקע געווען פריִערדיקע קעמפער פון דער באָטווין־קאָמפּאַניע און פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע. עס ציט זיך בכן די גאָלדענע קייט פון מסירת־נפש און קאַמפּסווילן פון די פּוילישע שטעט און שטעטלעך, מיט דער הויפּטשטאָט וואַרשע אין דער שפּיץ, דורך דעם שפּאַנישן אומאָפּהענגיקייטס־קריג ביז די העלדישע מעשים אונטער דעם נאַצישן שטיוול בעת דעם צווייטן וועלטקריג. און לויט אונדזער מיינונג איז ריכטיק צו דערמאָנען אין די ראַמען פון אונדזערע מעגלעכקייטן, די יעניקע וואַרשעווער, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין שפּאַניע.

די ערשטע ייִדישע קעמפער וואָס זענען פרייוויליק געפאָרן קיין שפּאַניע זענען געווען פון פּאַריז (זינט די ערשטע טעג פון קריג). נאָך איידער עס זענען געגרינדעט געוואָרן די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס (14טער אָקטאָבער 1936) האָבן זיך געצויגן אַהין קלענערע אָדער גרעסערע גרופּעס פרייוויליקע ייִדן און פּאָליאַקן. אַ טייל פון זיי האָבן געקעמפט אין די מיליטערישע איינהייטן „ערנסט טעלמאַן", „עדגאַר אַנדרעי", „ראַקאָשי", „טשאַפּאַיעוו". אַפילו אין דער איטאַליענישער „גאַריבאַלדי"־איינהייט האָט מען געטראָפן פּוילישע ייִדן. אָבער די ווייט גרעסטע מערהייט איז אַריין אין דער דאָמבראָווסקי־קאָמפּאַניע, וועלכע איז אַ דאַנק דעם צופלוס פון פּאָליאַקן, ייִדן און אוקראַיִנער אויסגעוואָקסן צו אַ באַטאַליאָן און נאָך דעם צו אַ בריגאַדע.

אויך שפּעטער ווען עס זענען אַנטשטאַנען אַנדערע פּוילישע איינהייטן ווי „וורובלעווסקי", „מיצקעוויטש" א"א, איז די „דאָמבראָווסקי" געווען די וויכטיקסטע בריגאַדע. אין איר שוים איז אויסגעוואַקסן, האָט זיך אַנטוויקלט און זיך אויסגעצייכנט מיט אירע העלדנטאַטן די באָטווין־קאָמפּאַניע. דער מוט פון די פּאָליאַקן און ייִדן און בכלל פון אַלע אירע קעמפערס האָט באַרימט געמאַכט די דאָמבראָווסקי־בריגאַדע ווי די בעסטע פון אַלע אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס.

אין וואַרשע גופא האָבן טויזנטער אַרבעטער געלעכצט צו פאָרן קיין שפּאַניע. אָבער צוליב דעם רעאַקציאָנערן סאַנאַציע־רעזשים איז עס די ערשטע צייַט געווען אוממעגלעך. ערשט אין יאַנואַר 1937 פאָרט אָפּ פון וואַרשע די ערשטע גרופּע פון 50 פרייַוויליקע, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען יקותיאל (קאַראָל) גוטמאַן, דער שפּעטערדיקער ערשטער קאָמענדאַנט פון דער באָטווין־קאָמפּאַניע — ברוך ניסנבוים, איליאַ שאַפּיראָ, יוזשעק מאָזעל (פון ווילנע). צוזאַמען מיט זיי, אָבער צעטיילט אין קלענערע גרופּעס, זענען אויך אַרויסגעפאָרן: מאַנשעל שאָרל, כילעק שראַגאַ, איגנאַץ פּאָטאַשמאַן, אברהם רייַטער, (געפאַלן ווי דער לעצטער קעמפער פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס). עס איז אוממעגלעך אָפּצוגעפינען אַלע וואַרשעווער וואָס זענען געקומען פון זייער היים־שטאָט, אָדער פון פּאַריז, בעלגיע, פּאַלעסטינע צי פון די אַמעריקאַנער לענדער. פיל פון זיי האָבן זיך געוואַלגערט וואָכן און חדשים אין תפיסות און ביי די גרענעצן ביז זיי האָבן דערגרייכט זייער ציל. מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט דערציילן עפּעס וועגן די וואָס זענען אונדז באַקאַנט. זאָלן דורך זיי פאַרהייליקט ווערן די אומבאַקאַנטע סאָלדאַטן, די נאָמענלאָזע העלדן וואָס זענען געקומען פון וואַרשע קעמפן קעגן אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם אויף די שפּאַנישע שלאַכטפעלדער.

סעוועק קירשענבוים, געבוירן אין בלוינע לעבן וואַרשע אין 1904, האָט אָבער געלעבט און געקעמפט אין וואַרשע. ער איז געווען זייער אַקטיוו אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון טעקסטיל־סינדיקאַט.

אין פּאַריז איז סעוועק געווען באַקאַנט אויפן בעלוויל ווי דער סעקרעטאַר פון דער אָרטיקער סעקציע פון דער „רויטער הילף”.

קיין שפּאַניע איז סעוועק געקומען גלייַך נאָכן אויסבראָך פון קריג, ער האָט געקעמפט אין „ליבערטאַד” נאָך פאַרן גרינדן די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס. ער ווערט אין גיכן קאָמיסאַר פון דער ערשטער קוילן־וואַרפער־קאָמפּאַניע. ער ווייַזט אַרויס גרויסע מיליטערישע פעיִקייטן און שטייַגט כסדר: צו ערשט קאָמיסאַר פאַר די קאַדערס (אַ געוויסע צייַט אין דער באָטווין־קאָמפּאַניע), דערנאָך קאָמיסאַר פון דאָמבראָווסקי־באַטאַליאָן און צום סוף שטאַבאָפיציר פון 15טן קאָרפּוס.

אינטערנירט אין לאַגער גירס, איז ער דער פּאָליטישער פאַראַנטוואָרטלעכער פון דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך אָבער אַרויסגעריסן פון לאַגער און מיר טרעפן אים שפּעטער ווי איינעם פון די גרינדער פון דער ייִדישער פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונג, וווּ ער שפּילט די וויכטיקסטע ראָלע. ער ווערט אַרעסטירט אויף זייַן קאַמפּספּאָסטן, דעפּאָרטירט און דערמאָרדעט.

אין סעפּטעמבער 1936 איז מיט אַ גרופּע פון 10 פּאַריזער אַקטיוויסטן פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס מיטגעפאָרן דער דינאַמישער ראָמאַן לעשטש. שוין אויפן וועג, קלעטערנדיק אויף די פּירענעען, האָט ער אַגיטירט זייַנע חברים צו גיין דורכוים אין דעם דאָמבראָווסקי־באַטאַליאָן. זיי אַלע זענען געווען מוטיקע קעמפער. לעשטש איז פאַרוואונדעט געוואָרן. אין דער צייַט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט ער געהערט צו די קאַמפגרופּעס פון דער „אוניאָן” אין ליאָן, איצט איז ער אין וואַרשע.

ט. עלסקי (אמתר נאָמען לייבל טראַיאַנאָווסקי), געבוירן אין וואַרשע אין 1909, איז אין פּאַריז געווען אַקטיוו אין ייִדישן אַרבעטער־ספּאָרט־קלוב „יאַסק” און שטענדיקער קאָרעספּאָנדענט פון „נייַע פּרעסע”.

ווען ער פאָרט מיט די יאַסקיסטן אין 1936 קיין שפּאַניע אויף דער ספּאָרט־אָלימפּיאַדע און עס ברעכט אויס דער פראַנקיסטישער אויפשטאַנד בלייַבט עלסקי אַלס קאָרעספּאָנדענט און שיקט איבער העכסט אינטערעסאַנטע רעפּאָרטאַזשן פונעם פראָנט.

שפּעטער, ווען די „נייַע פּרעסע” האָט שוין 4—5 ספּעציעלע שליחים אויף די פראָנטן פון שפּאַניע, איז נאָך עלסקי איינער פון די וועמענס אַרטיקלען ווערן איבערגעדרוקט פון „נייַע פּרעסע” אין די ייִדישע צייַטונגען אין ראַטן־פאַרבאַנד, אַמעריקע און אַנדערע לענדער.

עלסקי איז אין 1942, בעת אַ דעפּאָרטאַציע, אַראָפּגעשפּרונגען פונעם צוג און צעשמעטערט געוואָרן.

נאַטאַן טשאַק איז געווען אַ גייַסטיק און מאָראַליש באַוואָפנטער קאָמוניסט און סאָלדאַט און האָט געהאַט אַ פּאָעטישע נשמה. ער האָט הויך אָפּגעשאַצט די באַדייַטונג פון מוזיק פאַרן שלאַכטמאַן. דאָס האָט ער געשאַפן דעם מאַרש פון דעם באַטאַליאָן „דאָמבראָווסקי”. ער איז פריצייַטיק געפאַלן נישט וויסנדיק אַפילו אַז זייַן ליד וועט ווערן דער אָפיציעלער הימען פון דער גאַנצער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע. טויזנטער קעמפער האָבן מאַרשירט צו אַטאַקירן דעם שונא מיט די ווערטער פון נאַטאַן טשאַק, אין וועלכע עס קלינגט אָפּ דער טיפער אייַנפלוס פון ישעיהס נבואה וועגן ענדגילטיקן פרידן צווישן די פעלקער און מענטשן.

ברוך ניסנבוים, דער פּאָפּולערער קאָמוניסטישער יוגנט־טוער אין וואַרשע, באַקאַנט אונטערן פּסעוודאָנים באָברוש, איז פון די וואַרשעווער תפיסות, נאָך פינף חדשים וואָגלעניש אָנגעקומען אויף דער פרייַער שפּאַנישער ערד. ליב איז אים געווען די אינטערנאַציאָנאַלע משפחה פון די קעמפער און דאָס מוטיקע שפּאַנישע מאַרטירער־פאָלק. אין דער פראָנטצייַטונג האָט ער דערציילט וועגן דער געזעגענונג וואָס די שפּאַנישע באַפעלקערונג האָט זיי געמאַכט איידער זיי זענען אָפּגעגאַנגען אויפן פראָנט דאָס לעצטע מאָל: „קוקנדיק אויף די וויינענדיקע פרויען האָב איך זיך דערמאָנט אין מייַן מוטער. יאָ, זיי האָבן זיך מיט אונדז געזעגנט ווי מיר וואָלטן געווען זייערע קינדער... מיר וועלן אויפן פראָנט נקמה נעמען פאַר אייַער און אונדזער עוולה. שטאָלץ וועלן מיר טראָגן די פאָן פון פרייַהייט”. אויפן פראָנט וויליאַ מאַיאָר דע גאַלעגאַ האָט ער פאַר דער פרייַהייט פון ייִדישן און שפּאַנישן פאָלק, אויף דער שפּאַנישער ערד אין 1937, אַוועקגעגעבן זייַן 24טן זומער...

צוזאַמען מיט באָברושן איז געפאַלן אויפן פראָנט פון סאַראַגאָסאַ דער אַלגעמיין באַליבטער יוזשעק רובינשטיין (באַקאַנט אונטערן נאָמען יוזשעק „גרובי”). אין קעגנזאַץ צו באָברושן האָט ער אין דער יוגנט פון קיין הונגער און נויט נישט געוווּסט. אַ סטודענט אויף רעכט־וויסנשאַפט, אַ ספּאָרטלער אין „מכבי”, קומט ער צו דער קאָמוניסטישער יוגנט דורכגעדרונגען מיט אַ הויכן אידעאַל. די וואַרשעווער פּאָליציי לאָזט אים נישט צו רו. די פּייַניקונגען, וועלכע ער האָט אויסצושטיין אין די וואַרשעווער תפיסות, ברעכן נישט זייַן מוט. זייַן לעצטער עטאַפּ איז קאַרטוז־בערעזע. פון דאָרטן לויפט ער דירעקט קיין שפּאַניע, וווּ די קויל האָט אים געטראָפן אין דעם שוין פון פיל לייַדן אָפּגעשוואַכטן האַרץ. דער בעסטער קוילן־וואַרפער — רובינשטיינס — איז פאַרשטומט געוואָרן. כדי צו פאַראייביקן זייַן נאָמען האָט אויף דער איניציאַטיוו פון דעם באָטוויניסט כאַצקל האַניקשטיין (שפּעטער אויך געפאַלן אויפן ערנפראָנט), די באָטווין־קאָמפּאַניע האָט דורך אַ פייַערלעך־מיליטערישער צערעמאָניע געגעבן דעם פאַרלאָזטן קוילן־וואַרפער דעם נאָמען „יוזשעק רובינשטיין”. דער נאָמען פונעם אידעאַליסט און קעמפער איז געוואָרן אַ סימבאָל און אַ בייַשפּיל פאַר אַלע אַנדערע.

דעם 12טן דעצעמבער 1937 איז אין טראַנשיי פון שלמה עלבוים, וועלכער האָט זיך געפונען אין איינעם פון די בערג אויף דעם פראָנט פון אַראַגאָן, געגרינדעט געוואָרן די ייִדישע „באָטווין קאָמפּאַניע”. אָפּשאַצנדיק דאָס מסירת־נפש פון די ייִדישע קעמפער אין אַלע איינהייטן, און כדי אויסצודריקן אָנערקענונג די ייִדישע שלאַכטלייַט און דעם ייִדישן פאָלק בכלל, האָט די אָנפירונג פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע און דער גענעראַל־שטאַב פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס אָנגענומען דעם דאָזיקן היסטאָרישן באַשלוס מיט דער פּערספּעקטיוו אַז די קאָמפּאַניע זאָל גאָר אין גיכן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ באַטאַליאָן.

די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אונטער די קנאַלן פון די קוילן־וואַרפערס, 150 מעטער פון דער פראַנקיסטישער פראָנט ליניע. איינער פון אירע מיטגרינדער איז געווען דער וואַרשעווער קאָמוניסטישער שרייַבער, זשורנאַליסט און אַרבעטער־טוער גרשון דואָ.

נאָך דעם ווי ס'איז געלייענט געוואָרן דער אָפיציעלער מיליטערישער טאָג באַפעל וועגן דער גרינדונג פון דער קאָמפּאַניע, האָט גרשון דוא (פּסעוודאָנים ד. באָגען) מיט געהאַמערטע ווערטער זיך געוואָנדן צו די בייַזייַענדיקע: „איר סימבאָליזירט מיט אייַער קאָמפּאַניע דעם העלדישן קאַמף פון טויזנטער ייִדישע מיליציאָנערן אין שפּאַניע; איר רעפּרעזענטירט דאָ פאַר די ייִדישע פאָלקסמאַסן דאָס שענסטע און דאָס העלדישסטע פון דעם אַנטיפאַשיסטישן קאַמף...

איר דאַרפט באָטווינס נאָמען היטן, און הייבן הויך די פאָן פון דער ייִדישער קאָמפאַניע..."

גרשון דואַ איז געווען אַ שטענדיקער מיטגליד אין דער „באַזע" פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס אין אַלבאַסעטע. ער האָט געזאָרגט פאַר אַלע ייִדישע קעמפער אין די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס. ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די ייִדישע פאָליטישע און סאָלידאַריטעט־אָרגאַניזאַציעס פון פאַריז, וועלכע האָבן אומדערמידלעך געאַרבעט לטובת די ייִדישע קעמפער אין שפאַניע. מיט זײַנע אָפטע אַרטיקלען אין פאַריזער „נײַע פרעסע" האָט ג. דואַ אַ סך געהאָלפן צו פאָפולאַריזירן דעם קאַמף פון די ייִדישע סאָלדאַטן און אָפיצירן פון אַלע איינהייטן און גאָר באַזונדער פון דער באָטווין־קאָמפאַניע. ג. דואַ האָט נאָך פיל קאַמפן און לײַדן דערלעבט צו זען דאָס פאָלקס־דעמאָקראַטישע פוילן, וועגן וועלכן פוילישע און ייִדישע קעמפער האָבן געטרוימט אין די טראַנשייען פון שפאַניע. ער איז אומגעקומען אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע.

בעת דער גרינדונג פון דער באָטווין־קאָמפאַניע זענען באַשטימט געוואָרן די קאַדערס. קאַראָל גוטמאַן פון ביאַליסטאָק איז נאָמינירט געוואָרן ווי קאָמענדאַנט. ער איז העלדיש געפאַלן אין דער ערשטער שלאַכט פון דער קאָמפאַניע אויפן פראָנט פון עקסטרעמאַדורע (פעברואַר 1938), ווען די באָטווינצעס האָבן פאַרכאַפט דעם באַרג אַסערבוטשע. שלמה עלבוים איז געוואָרן אַדיוטאַנט און שפעטער לײַטענאַנט פון דער קוילן־וואַרפער קאָמפאַניע. געשטאַמט האָט ער פון כעלעם און נאָכן אַרויסגיין פון תפיסה ווו ער איז געזעסן פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט, איז ער געקומען קיין וואַרשע אַרבעטן, כדי צו „פאַרדינען אויף הוצאות" צו פאָרן קיין שפאַניע. ווי איינער פון די העלדישסטע אָפיצירן אין „באָטווין" האָט ער גורם געווען אומגעהייערע פאַרלוסטן אין די פאַשיסטישע רייען. ער איז רומפול געפאַלן אויפן פרײַהייטספראָנט בײַ גאַנדעסאַ.

מישאַ רעגער, דער פאַריזער אַרבעטער־טוער, איז געוואָרן באַשטימט אַלס פאָליטישער קאָמיסאַר פון דער קאָמפאַניע. זײַנע מיליטערישע פעיִקייטן און גרענעצלאָזער מוט האָבן אים גלײַך דערהויבן צום הויכן פאַראַנטוואָרטלעכן פאָסטן, קאָמיסאַר פון באַטאַליאָן „פאַלאַפאַקס". הײַנט איז ער מיניסטער פאַר אינדוסטריע אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פוילן.

אינטענדאַנט פון דער קאָמפאַניע איז געווען אפרים ווווזעק (הײַנט אין וואַרשע).

נאָך איידער עס איז געגרינדעט געוואָרן די באָטווין־קאָמפאַניע האָט זיך געפילט אַ מאַנגל אין אַ ייִדישן פרעסע־אָרגאַן. דעם 7טן אויגוסט איז דערשינען דער ערשטער נומער „דער פרײַהייטס־קעמפער". רעאַליזירט איז ער געוואָרן אַ דאַנק דעם ליטווישן ייִד, פאָליטישער קאָמיסאַר ברויער, דעם וואַרשעווער חבר יאָסל ניידער וואָס איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דער פאַריזער „קולטור־ליגע" (העלדיש געפאַלן אויפן פראָנט פון מאַלאַגאַ) און אַן אַנדער וואַרשעווער, חבר ביל, וואָס האָט געשפילט אַ גאָר גרויסע ראָלע בײַם אָרגאַניזירן די אינטענדאַנץ. ביל האָט אין דער צײַט פון דער אָקופאַציע אין פראַנקרײַך אויף אַ ברייטן פאַרנעם צוגעשטעלט געווער פאַר דער „רעזיסטאַנס" און איז דערשאָסן געוואָרן דורך די דײַטשן.

דעם 30טן דעצעמבער 1937 דערשײַנט דער ערשטער נומער „באָטווין" מיטן אונטערקעפל „פראָנטצײַטונג פון דער ייִדישער קאָמפאַניע פון נפתלי באָטווין", שפעטער איז אין אונטערקעפל דאָס וואָרט „פראָנטצײַטונג" פאַרביטן געוואָרן אויף „אָרגאַן". שעף־רעדאַקטאָר איז י. לעכטער, רעדאַקטאָר פון פאַריזער „נײַע פרעסע" (איצט אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע").

דער טיכטיקסטער רעדאַקטאָר בעת דער גאַנצער צײַט פון דערשײַנען פון „באָטווין" (דער נומ' 5 איז דערשינען דעם 3טן נאָוועמבער 1938) איז אָן ספק געווען אָלעק גוס (אמתר פאַמיליע־נאָמען אָזשעך). געשטאַמט האָט ער פון אַ וואַרשעווער פאַמיליע פון לינקע פועלי־ציון. אַליין אַן אַרבעטער, האָט אים געצויגן צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. נאָכן אַרויסרײַסן זיך פון אַרעסט קומט ער קיין שפאַניע אַוועקצוגעבן זײַנע כוחות און זײַן טאַלאַנט. ס'איז נישטאָ קיין איין נומער „באָטווין" ווו אָלעק גוס זאָל נישט פאַרעפנטלעכן בילדלעכע רעפאָרטאַזשן פון לעבן און קאַמף פון דער באָטווין־קאָמפאַניע.

בעת עס קומט אויף דאָס פראָבלעם פון אַ הימען פאַר דער באָטווין־קאָמפאַניע שטעלט צו אָלעק גוס „אַ מאַרש פאַר די באָטווינצעס", וועלכער ווערט געזונגען בײַם מאַרשירן. אויף די קולטור־אונטערנעמונגען ווערט דאָס ליד רעפעטירט דורך דעם סאָלדאַטן־כאָר פון דער קאָמפאַניע און געזונגען פאַר טויזנטער ייִדן און נישט־ייִדן.

אָלעק גוס איז אָפגעקומען מיט אַ שווערער ווונד, אָבער אונטער דער דײַטשער אָקופאַציע אין פראַנקרײַך ווערט ער אַרײַנגעזעצט אין פעסטונג מאָנלוק אין ליאָן פון וואַנען ער איז דעפאָרטירט געוואָרן און איז אומגעקומען אין אוישוויץ.

דער יוגנטלעכער זישע בירנצווײַג איז נאָך אין וואַרשע געווען באַרימט ווי אַ ספאָרטטשעמפיאָן. דער ווינער „הכוח" באַמיט זיך אים צו געווינען אַלס שפילער. ער איז אָבער געטרײַ זײַן פאָלקסטימלעכער סביבה. אין פאַריז איז ער איינער פון די אַקטיווסטע ספאָרטלער אין ייִדישן אַרבעטער־ספאָרטקלוב (יאַסק). אויך אין שפאַניע נעמט ער אָנטייל אין אַ סך ספאָרט־פאַרמעסטן און ווערט טשעמפיאָן פון באַטאַליאָן „פאַלאַפאַקס" אין וועלכן עס איז געווען די באָטווין־קאָמפאַניע. ער באַקומט פיל אויסצייכענונגען, פריזן און אָנערקענונגס־בריוו.

זישע איז אָבער אויך אַ העלדישער קעמפער, ער נעמט אָנטייל אין אַלע שלאַכטן פון דער „באָטווין־קאָמפאַניע" אין עקסטרעמאַדורע, אַראַגאָן. אין דער אָפענסיווע בײַ גאַנדעסאַ איז דער אייביק פריילעכער און מוטיקער זישע פאַרשניטן געוואָרן פון אַ פאַשיסטישער קויל.

דער וואַרשעווער דרײַסיקיאָריקער מאַיאָר־דאָקטאָר פלאַטאָ איז אין שפאַניע, געווען אָנפירער פון סאַניטאַר־וועזן פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע און אין פרילינג 1938 פירט ער שוין אָן מיט דער „סאַנידאַד" פון פיר דיוויזיעס. טראָץ זײַן הויכן פאָסטן האָט ער שטענדיק ליב צו פאַרברענגען צווישן די ייִדישע קעמפער, וועלכע זענען פון זייער זײַט שטאָלץ מיט אים. (הײַנט אין פוילן).

דער וואַרשעווער יוגנטלעכער גרשון ראָטהאָלץ האָט אין זײַן היימשטאָט געהערט צו די לינקע פועלי־ציון. בײַ זײַנע 21 יאָר האָט ער שוין הינטער זיך קנאַפע 2 יאָר העלדישן קאַמף אויף די שלאַכטפעלדער פון שפאַניע. דרײַ מאָל איז ער געוואָרן פאַרווונדעט און יעדעס מאָל איז ער מיט אַ פאַרטאָפלטן מוט געקומען זיך שטעלן אויפן פראָנט קעגן די ערגסטע שונאים פון ייִדישן פאָלק. די אָנפירונג אָנערקענט זײַנע מיליטערישע פאַרדינסטן און ער ווערט דערהויבן צום ראַנג פון לייטענאַנט.

אין אָקטאָבער 1938 איז גרשון ראָטהאָלץ אומגעקומען אויף אַ טראַגישן אופן. אינעם נעקראָלאָג, וואָס עס האָט צוגעשיקט דער הויפטשטאַב פון דער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע, ווערט געמאָלדן „וועגן טראַגישן טויט פון איינעם פון אונדזערע בעסטע חברים, דעם העראָישן און אומדערשראָקענעם קעמפער פאַר פרײַהייט, לייטענאַנט גרשון ראָטהאָלץ... דעם 21יאָריקן בחור פון וואַרשע, וואָס איז אין יאַנואַר 1937 געקומען אין מיצקעוויטש־באַטאַליאָן, האָט זיך אַרויסגערוקט אַלס איינער פון די איבערגעגעבנסטע און פעיִקסטע אָפיצירן"...

דער וואַרשעווער סטאָליער־אַרבעטער בעניעק ליפשיץ האָט אַלס בונדיסט פאַרשטאַנען צו גיין קעמפן קיין שפאַניע. ער האָט זײַנע איבערצײַגונגען נישט פאַרלייקנט און ער האָט עס נישט געדאַרפט טאָן. נאָר פאַרקערט: אַלע די וואָס האָבן געקעמפט קעגן היטלער־מוסאָליני־פראַנקאָ זענען געווען דורכגעדרונגען מיט דערזעלבער איבערצײַגונג, — אַז דער ערגסטער שונא פון ייִדישן פאָלק און פון אַלע פעלקער איז דער אינטערנאַציאָנאַלער פאַשיזם. זיי זענען געווען דורכגעדרונגען מיט איין אידעאַל: איניקייט! קאָמוניסטן, לינקע פועלי־ציון, און אַנדערע ציוניסטן און אויך אומ־

פּאַרטייִשע זאָלן פירן אָן רחמנות דעם באַוואָפנטן קאַמף קעגן פאַשיזם. זיי זענען געוואָרן די פּיאָנערן און ווערדיקע וועגווייַזער פאַר די שפּעטערדיקע ייִדישע פּאַרטיזאַנען אין די אָקופּירטע לענדער, און אַ בייַשפּיל פאַר די העראָישע אויפשטענדלער אין וואַרשעווער געטאָ.

מאַרטירערטום און קאַמף אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע

דעם 14טן יולי 1940 האָבן די שטיוול פון דער דייַטשער ווערמאַכט, באַגלייט פון אַ גרילצנדיקן סאָלדאַטסקע געזאַנג, באַטראָטן די גאַסן און בולוואַרן פונעם שטאָלצן פּאַריז. געשענדט זענען געוואָרן די שטיינער וועלכע וואָלטן געקאָנט דערציילן די געשיכטע פון מאַרטירערטום און קאַמף פאַר פרייַהייט פון פריִערדיקע דורות סאַנקילאָטן און קאָמונאַרן.

פראַנקרייַך איז צעשניטן געוואָרן: די צפון־זאָנע באַהערשט דורך די דייַטשן און די דרום־זאָנע דורך ווישי, ביז זומער 1942 ווען די ווערמאַכט האָט פאַרנומען דאָס גאַנצע לאַנד.

אַ נייַע פאַזע אינעם פּאַטריאָטישן און אַנטיפאַשיסטישן קאַמף האָט זיך אָנגעהויבן. דער ייִדישער ייִשוב אין פראַנקרייַך האָט אין דאָזיקן קאַמף אַרייַנגעשריבן אַ נייַ קאַפּיטל פון מסירת־נפש און גבורה.

די ייִדישע אַרבעטער און פאָלקסמענטשן האָבן פאַרן קריג געהאַט אויפגעבויט מעכטיקע פּראָגרעסיווע סינדיקאַלע, קולטורעלע און סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן מיט דער הילף פון באַזונדערע פּרעסע־אָרגאַנען און ספּעציעל מיט דער הילף פון דער טעגלעכער „נייַע פּרעסע", ווירקזאַם געאַרבעט פאַרן וווּל פונעם ייִדישן ייִשוב אין פראַנקרייַך, צוזאַמען מיט אַלע דעמאָקראַטישע כוחות פונעם לאַנד.

מיט דעם אָנקומען פון דער נאַציש־ווישיסטישער מאַכט זענען די אַלע אָרגאַניזאַציעס אַריבער אין אומלעגאַליטעט און האָבן ביי די נייַע באַדינגונגען געפירט אַ האַרטנעקיקן און אומדערשראָקענעם קאַמף קעגן די בלוטיקע פרעמדע אונטערדריקער און זייערע ווישיסטישע קאָלאַבאָראַטאָרס.

אין אַלע צווייַגן פונעם ווידערשטאַנד־קאַמף געפינען מיר העלדישע וואַרשעווער. מיר וועלן זיי פאָרשטעלן דעם לייענער און זייער טעטיקייט, קאַמף, מאַרטירערטום און העראָיזם.

די סאַמע ערשטע גרויסע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין די ערשטע וואָכן פון דער אָקופּאַציע, איז געווען די „סאָלידאַריטעט". איר אויפגאַבע איז נישט בלויז באַשטאַנען אין טראָגן מאַטעריעלע און מאָראַלישע צוהילף אַלע קרבנות פון היטלעריזם, נאָר דער עיקר צו געבן די פּאָליטישע פּערספּעקטיוו פון ווידערשטאַנד קעגן שונא, דורך אָרגאַניזירן אויף אַ ברייטן מאַסשטאַב די ייִדישע באַפעלקערונג.

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער שלאַכט־אָרגאַניזאַציע „סאָלידאַריטעט" איז געווען דער פּאָפּולערער און דורך אַלעמען באַליבטער דוויד קוטנער (אמתר נאָמען אהרן סקראָבעק, אין וואַרשע האָט מען אים געקענט מיטן נאָמען מענדל סקראָבעק).

דוויד קוטנער איז אין עלטער פון 14 יאָר שוין געווען אַ מיטגליד אין וואַרשעווער פּאַפּיר־פאַראיין. צו 17 יאָר אַן אָנגעזעענער יוגנט־טוער, און ווי אַ 23יאָריקער בחור איז ער שוין דער אַלגעמיין באַליבטער סעקרעטאַר פון וואַרשעווער טעקסטיל־פאַראיין. זייַן רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט, זייַן מוט און אומדערשראָקנקייט זענען בסדר באַגלייט מיט רעפּרעסיעס, תפיסות. צום סוף פאַלט ער אַרייַן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע.

זינט 1936 איז ער אין פּאַריז. זייַן בראָשור וועגן קאַרטוז־בערעזע האָט דעמאָלט געמאַכט אַ שטאַרקן אייַנדרוק. ווי רעדאַקטאָר פון „נייַע פּרעסע" ווידמעט ער זייַן טאַלאַנט און כוחות דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט און די וואַקסנדיקע פאָלקס־כוחות אינעם פאַרגעשריטענעם פראַנקרייַך.

מיט אַ פילפאַכער ענערגיע אַרבעט ער אין דער אומלעגאַלער „רעזיסטאַנס"־באַוועגונג.

סוף 1942 ווערט קוטנער אַרעסטירט ביי דער אַרבעט. ער ווערט שווידערלעך געפּייניקט, אָבער ער האַלט אויס. די נאַציס דעפּאָרטירן אים קיין נאַצווילער. אינעם דאָזיקן שרעקלעכן לאַגער האָט דוויד אויסצושטיין אוממענטשלעכע טאָרטורן. ווען ער זעט אַז ער וועט שוין לאַנג נישט אויסהאַלטן, בעט ער זייַן חבר זשאַן לעמבערגער אַז אין פאַל יענער וועט אַרויס אַ לעבעדיקער, זאָל ער איבערגעבן זייַנע אייגענע די ווייַטערדיקע ווערטער:

„...איך האָב אָן מורא געקוקט דעם טויט אין די אויגן... זאָג זיי אַז איך בין געשטאָרבן מוטיק, מיטן פולן באַוווּסטזייַן אַז איך האָב געטאָן מייַן פליכט און מיטן טיפסטן גלויבן אין זיג און אין אַ בעסערן מאָרגן".

דאָס זענען געווען די לעצטע ווערטער פון דעם מענטש וואָס האָט 30 יאָר פון זייַן לעבן אַוועקגעגעבן פאַר די מענטשלעכע אידעאַלן.

אונטער דער אָקופּאַציע האָט די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אָנגענומען אַ גאָר אַנדער פאָרעם און ריכטונג. זינט אויגוסט 1942 איז די צווישנסינדיקאַלע קאָמיסיע איבעראָרגאַניזירט געוואָרן אויף יסודות פון אומברחמנותדיקן קאַמף, ווידערשטאַנד, סאַבאָטאַזש פון דער מלחמה־פּראָדוקציע. זי רופט אַרייַנצוטרעטן אין די פּאַרטיזאַנען־רייען און צו קעמפן מיט געווער אין האַנט.

יצחק קראַסוצקי, יאַנקל סטודניאַ און יאָסל וואַרשאַווסקי (אמתר נאָמען דאָרעמבוס) זענען איידער זיי זענען געקומען קיין פראַנקרייַך, געווען זייער אַקטיוו אין דער וואַרשעווער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. אין פראַנקרייַך זענען זיי ביזן קריג געשטאַנען אין שפּיץ פון דער סינדיקאַלער באַוועגונג, האָבן אָנגעפירט מיט לוינקאַמפן, אָרגאַניזירט שטרייַקן, געטראָגן הילף די קעמפער אין שפּאַניע. אונטער דער אָקופּאַציע זענען די דאָזיקע מוטיקע וואַרשעווער בראש פון קאַמף אין די ייִדישע אַטעליעס, וואַרשטאַטן אין פאַבריקן. יצחק פירט דערפאָלגרייַך פון סאַמע אָנהייב דעם סאַבאָטאַזש אין שטריקערפאַך. זיין טעטיקייט ברייטערט זיך אויס באַלד אויף אַנדערע צווייַגן: פעלץ, לעדער און אַנדערע. סטודניאַ פירט אָן מיט דער סאָלידאַריטעט־טעטיקייט לטובת די קרבנות אָדער זייערע פאַמיליעס. ער אָרגאַניזירט סאַבאָטאַזש און רעקרוטירט חברים אין דער פּאַרטיזאַנען־באַוועגונג.

דעם 20טן יאַנואַר ווערן קראַסוצקי און סטודניאַ אַרעסטירט בעת זיי זענען ביידע אויף אַ טרעפּפּונקט כדי צו דערלייִדיקן אַ ריי ענינים. זיי ווערן דעפּאָרטירט. אין אַ חודש אַרום ווערן זיי דערמאָרדעט אין גאַזקאַמער פון בירקענוי.

יאָסל וואַרשאַווסקי איז אין וואַרשע און אין פּאַריז געווען זייער פּאָפּולער צווישן די שיך־אַרבעטער. אין פראַנקרייַך האָט ער פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. ווי אַ מיטגליד אין דער אָנפירונג פון „געזערד" ווערט ער דעלעגירט קיין בירעבידזשאַן. ער איז סעקרעטאַר פון דער גרויסער אָרגאַניזאַציע „פריינד פון נייַע פּרעסע" און מיטגליד פון דער ייִדישער קאָמיסיע ביי דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אונטער דער אָקופּאַציע איז ער אַקטיוו אין דער סינדיקאַלער באַוועגונג און אין דער „סאָלידאַריטעט" ספּעציעל נאָכן מאַסן־פּאָגראָם פון 16טן יולי 1942.

אין פעברואַר 1943 ווערן יאָסל און זייַן פרוי פּאָלאַ אַרעסטירט און דעפּאָרטירט קיין אוישוויץ. פּאָלע איז באַלד אומגעקומען. יאָסל און אַן אַנדערער פּאַריזער אָנגעזעענער געזעלשאַפטלעכער טוער, יאַנקל האַנדלסמאַן פון ראַדאָם, האָבן זיך געפונען אייַנגעגלידערט אין דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע אין שווידערלעכן קאָנצענטראַציע־לאַגער. יאָסל וואַרשאַווסקי און יאַנקל האַנדלסמאַן האָבן זיך געשטעלט אין שפּיץ פון ווידערשטאַנד אין בירקענוי אין סעפּטעמבער 1944. די אויפשטענדלער האָבן געכאַפּט דעם דייַטשן איבערקאַפּאָ און אים אַ לעבעדיקן אַרייַנגעשליידערט אין קרעמאַטאָריע... זיי האָבן איבערגעשניטן די דראָט־פאַרצוימונגען און אויפגעריסן די קרעמאַטאָריע נומער 3. בלוטיק איז געווען די נקמה פון די נאַציס. יאַנקלען האָט מען געכאַפּט אַ לעבעדיקן... מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז ער עפנטלעך דערשאָסן געוואָרן. דער

העלדישער יאַנקל האַנדלסמאַן איז געפאַלן מיטן אויסגעשריי: „דער זיג אין אונדזערער”.

שאַרל בערקאָוויטש (געבוירן אין וואַרשע אין 1903) איז געווען פון די יינגסטע יאָרן אַקטיוו אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. מיטן אויסבראָך פון קריג טרעט ער אַרייַן ווי אַ פּרייַוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמיי צו קעמפן קעגן היטלעריזם. זינט די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע איז ער איינער פון די אַקטיווסטע אָרגאַניזאַטאָרן פון די לעדער־אַרבעטער. אָנהייב 1942 ווערט ער אַרעסטירט. ער ווערט געשלעפּט פון תפיסה צו תפיסה און טראָגט איבער די שווערסטע פּייַניקונגען. אינעם לעצטן קאַרטל ערב דער דעפּאָרטאַציע שרייַבט ער וועגן זיך אַז ער איז „...מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, שטאָלץ דערמיט וואָס איך בין געבליבן טרייַ מייַן קלאַס און פול מיט צוטרוי אין דער צוקונפט”.

קלמן גאָלדפאַרב איז נאָך אין וואַרשע געווען באַקאַנט ווי אַן אַקטיווער טוער אין דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון שטריקער־פאַך. ער האָט זייַן טעטיקייט פאָרגעזעצט אין פּאַריז.

אונטער דער אָקופּאַציע איז ער געווען איינער פון די אַקטיווסטע בייַם אָרגאַניזירן דעם סאַבאָטאַזש אין די שטריקערייַ־אויסאַרבעטונגען. עס איז געווען צו באַוווּנדערן דעם קליינוווּקסיקן, ברייטפּלייציקן קלמנען (נאָענט צו די 60ער יאָרן), מיט וואָס פאַר אַ דינאַמיזם און ברען ער האָט אויסגעפירט זייַן אַרבעט פון סאַבאָטאַזש און סאָלידאַריטעט לטובת די קרבנות פון נאַציזם. לעבנדיק אומלעגאַל איז ער כמעט יעדן טאָג אַרייַנגעפאַלן אין אַן אַבלאַווע פון וועלכער עס פלעגט אים געלונגען זיך אַרויסצורייַסן. אין 1942 איז ער אַרעסטירט געוואָרן און דעפּאָרטירט געוואָרן אין די אומקום־לאַגערן.

לעאָן גאָלדמאַן, געבוירן אין 1900 אין וואַרשע, איז דאָרט פון די יינגסטע יאָרן אַ מעטאַל־אַרבעטער און אַקטיוו צווישן די יוגנטלעכע מעטאַלאָוצעס אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. אין פּאַריז איז ער טעטיק זינט 1923 אין דער סינדיקאַלער באַוועגונג. אין צייַט פון דער אָקופּאַציע איז ער מיטגליד אין דער אומלעגאַלער צווישנסינדיקאַלער קאָמיסיע. זייער אַקטיוו בייַם אָרגאַניזירן דעם סאַבאָטאַזש איז ער גלייַכצייַטיק טעטיק בייַם דורכפירן די סאָלידאַריטעט לטובת די אינטערנירטע און זייערע פאַמיליעס. זייַענדיק אינטערנירט אינעם קאָנצענטראַציע־לאַגער פון דראַנסי, האָט ער זיך דאָרט פאַרבונדן מיט דער געהיימער אָרגאַניזאַציע. ער שיקט כסדר אַרויס בריוו און ליסטעס מיט נעמען וועמען עס איז נייטיק צו געבן דרינגענדיקע הילף. אין מאַרץ 1942, נאָך שרעקלעכע לייַדן, איז דער גוטהאַרציקער און פּשוטער לעאָן גאָלדמאַן אומגעקומען אין אוישוויץ.

שאַרל גאָלדמאַן, (געבוירן אין וואַרשע אין 1904), אַ שנייַדער־אַרבעטער. אין פּאַריז איז ער געוואָרן אַן אַקטיווער מיטגליד אין סינדיקאַט. ווי אַן ערלעכער אַרבעטער האָט ער אונטער דער אָקופּאַציע נישט אויפגעהערט צו זייַן טעטיק. בעת דער גרויסער מאַסן־אַבלאַווע פון 16טן יולי 1942 זענען שאַרל און זייַן פרוי אַרעסטירט געוואָרן. פאַרן דעפּאָרטירט ווערן האָט ער נאָך געהאַט די לעצטע מאָראַלישע סאַטיספאַקציע: עס איז אים געלונגען אַרויסשיקן פונעם דראַנסי־לאַגער דאָס געזעלשאַפטלעכע געלט וואָס ער האָט געהאַט בייַ זיך באַהאַלטן און וואָס ער האָט באַטראַכט ווי אַ הייליק אומבאַרירלעך אייגנטום פון דער רעזיסטאַנס.

אַברהם גערצמאַן, געבוירן אין וואַרשע אין 1882, איז דאָרט געווען אַן אַקטיוויסט אין פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די געגריוועטע שוסטער. אין פּאַריז איז אַברהם איינער פון די גרינדער פון דעם סינדיקאַט פון די שיכאַרבעטער. טראָץ זייַן שווערער האַרצקראַנקייט באַטייליקט ער זיך ענערגיש אונטער דער אָקופּאַציע אין אַלע אַקציעס פון דעם סינדיקאַט. ער ווערט אַרעסטירט דעם 16טן יולי, דערנאָך דעפּאָרטירט און אומגעבראַכט.

וואָלף שטאַרגאַרד, געבוירן אין וואַרשע אין 1897, איז טעטיק אין פּאַריז אין פאַרשידענע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס און זינט 1930 איז ער, אַלס פּרעסער־אַרבעטער, אין דער פאַך־קאָמיסיע פונעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין. אָנהייב קריג טרעט ער אַרייַן אין דער פראַנצויזישער אַרמיי צו קעמפן קעגן נאַציזם. נאָכן ווערן דעמאָביליזירט גיט ער זיך אָפּ מיט לייַב און לעבן דער אומלעגאַלער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. ער ווערט געמסרט און אומגעבראַכט אין אַ דעפּאָרטאַציע־לאַגער.

איגנאַץ שטראָספויגל, געבוירן אין וואַרשע אין 1901, איז דאָרט פון די יינגסטע יאָרן אַקטיוו אינעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די שטעפּערס.

אין פּאַריז שפּילט ער ווי אַ סינדיקאַלער טוער אַ וויכטיקע ראָלע בעת די גרויסע אַרבעטער־קאַמפן פון 1936. ער איז זייער באַליבט בייַ די יידישע און פראַנצויזישע אַרבעטער פונעם שטעפּערפאַך. אונטער דער אָקופּאַציע זעצט ער פאָר מיט דעם זעלבן מוט זייַן טעטיקייט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג ביז 1943, ווען ער פאַלט אַרייַן אין די לאַפּעס פון דער פּאָליציי און ווערט דעפּאָרטירט.

פרידמאַן, געבוירן אין וואַרשע אין 1886, געקומען קיין פּאַריז פאַרן ערשטן וועלטקריג. אַ פאָטער פון עלף קינדער איז ער פון דעסט וועגן אַקטיוו אינעם פאַראיין פון די היטל־מאַכערס. זינט די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע איז ער טעטיק אין דער רעזיסטאַנס. אין אויגוסט 1940 ווערט ער אַרעסטירט בייַם קלעפּן אומלעגאַלע אויפרופן און פאַרמשפּט אויף צען יאָר תפיסה. נאָכן אָפּזיצן איין יאָר ווערט פרידמאַן דערשאָסן ווי אַן ערובניק.

אינעם שווערן, אומגלייַכן קאַמף פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג זענען אויף אַלע סעקטאָרן פון דער רעזיסטאַנס־נעץ געווען העלדישע פרויען. צווישן די דאָזיקע געפינען מיר וואַרשעווערינס וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער מוט. מיר וועלן זיך נאָך ווייַטער בייַ יעדער געלעגנהייט אומקערן צו די דאָזיקע הערלעכע געשטאַלטן, ווען מיר וועלן באַהאַנדלען יעדעס געביט באַזונדער. דערווייַל לאָמיר זיך באַקענען מיט די וואָס זענען געווען טעטיק אין דער סינדיקאַלער באַוועגונג.

אָלגאַ שאַרפשטיין (מיידלשער נאָמען ראָזענבערג), אַ שנייַדערין, איז קיין פראַנקרייַך געקומען האַרט פאַרן קריג. ווען איר מאַן ווערט אינטערנירט אין לאַגער פּיטיוויע (מייַ 1941) בלייַבט זי מיט אַ פּיצל קינד און מוז שווער האָרעווען כדי זיך אויסצוהאַלטן. זינט דעמאָלט ווערט זי אַקטיוו בייַם פאַרשפּרייטן די אומלעגאַלע פּרעסע. זי באַמיט זיך דאָן אָנגענומען צו ווערן ווי אַ קעמפערין אין אַ פּאַרטיזאַנען־אָפּטיילונג. די אָנפירונג פון דער באַוועגונג באַשטימט זי אויף אַן אַנדערן פּאָסטן. זי ווערט פאַרבינדלערין צווישן די סינדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס. עס איז אַן אַרבעט אַ שווערע און אַ געפערלעכע.

אין יוני 1943, ווען עס קומט פאָר אַ דורכפאַל אין דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און עס ווערן אַרעסטירט זיבעציק מיטגלידער, פאַלט אויך אַרייַן אָלגאַ שאַרפשטיין. אַ חודש צייַט ווערט זי געפּייַניקט, אָבער קיין איין וואָרט רייַסט זיך נישט אַרויס פון איר מויל. זי ווערט דעמאָלט דעפּאָרטירט און אין עטלעכע וואָכן אַרום דערמאָרדעט אין אוישוויץ.

לויז שפּערעק איז געבוירן געוואָרן אין 1911 אין אַן אַרבעטער־פאַמיליע. אַלט זייַענדיק 15 יאָר קומט זי צוזאַמען מיט איר פאַמיליע קיין פּאַריז. פאַרן קריג איז זי אַקטיוו צווישן דער אַרבעטער־יוגנט. זי איז מיטגרינדערין פונעם ספּאָרטקלוב בייַם אַלגעמיינעם באַקלייד־סינדיקאַט און איז אויך אַקטיוו אין יידישן אַרבעטער־ספּאָרטקלוב („יאסק”). ביז דער מלחמה ווייַזט לויז אַרויס אירע פעיִקייטן אויף דרייַ באַזונדערע געביטן: ווי אַ יוגנט־טוערין, ווי אַ ספּאָרטלערין, ווי אַ מיטגליד פון דער פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיסיע פון מענער־קאָנפעקציע. וועגן אירע ענערגישע אויפטוען אין צייַט פון דער אָקופּאַציע וועלן מיר באַלד דערציילן. נאָכן אַרעסטירן זי דעם 16טן יולי איז שפּערעק אומגעקומען מיטן טויט פון אַ מאַרטירערין.

אַזוי זעען מיר אַז בלויז אויפן געביט פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג האָבן די וואַרשעווער געצאָלט אַ בלוטיקן מאַרטירער־שטייַער. זיי האָבן הויך געהאַלטן די פאָן פון קאַמף. אָבער אויך אויף אַנדערע סעקטאָרן פון דער רעזיסטאַנס טרעפן מיר הערלעכע געשטאַלטן פון וואַרשעווער.

גרשון שור (מישאַ רעגער) פּאָליטישער קאָמיסאַר פון דער באָטווין קאָמפּאַניע.



מאַרסעל ריימאַן, פּאַרטיזאַנען־פירער — מיהאָט אים גערופן „טשאַפּאַיעוו".

אָלעק גוס, רעדאַקטאָר פון באָטווין־צײַטונג.

סעוועק פון בעלוויל, מיליציאָנער אויפן וואַכפּאָסטן פון פרײַהייט.


DES
LIBÉRATEURS?
GRZYWACZ
Juif polonais
2 attentats
ELEK
Juif hongrois
8 déraillements
WASJBROT
Juif polonais
1 attentat,
3 déraillements
WITCHITZ
Juif hongrois
15 attentats
FINGERWEIG
Juif polonais
3 attentats,
5 déraillements
BOCZOV
Juif hongrois
chef dérailleur
20 attentats
FONTANOT
communiste italien
12 attentats
MANOUCHIAN
Arménien
chef de bande
56
attentats
150 morts
600
blessés
RAYMAN
Juif polonais
13 attentats
ALFONSO
Espagnol rouge
7 attentats
LIBÉRATION
PAR L'ARMÉE DU CRIME!

אַ דײַטשער נאַצי־פּלאַקאַט פון דערשאָסענע פּאַרטיזאַנער, צווישן זיי די וואַרשעווער ייִדן פינגערצווײַג און ריימאַן

אַנקע וואַקסבערג, טעכניקערין פון דער ווידערשטאַנד־
פרעסע, דערשאָסען

מאָריס פינגערצווײַג, איינער פון די „23" דערשאָסענע



מאיר (מאַריאָ) מלעטשאַק, העלדישער וואַרשעווער אָנטייל נעמער
אין דער רעסיסטאַנס, דערשאָסן.

יצחק קראַסוצקי, אָנטייל נעמער אין דער
רעסיסטאַנס, דערשאָסן.

דוויד קוטנער (וואַרשעווער נאָמען מענדל סקראָבעק) רעדאַקטאָר פון „נייער פרעסע", דערשאָסן.



יצחק (זשאַק) גרינבוים, יוגנט־אַקטיוויסט פון דער רעסיסטאַנס — דערשאָסן.



עקזעקוציע סצענע פון איינעם פון די איינגעוואַנדערטע פּאַרטיזאַנער, זײַן אידענטישקייט איז נישט פעסטגעשטעלט. מיט נישט צוגעבונדענע אויגן לאַכט ער אַריין אין פנים פון זיינע מערדערס.

וואַרשעווער אין דער ציווילער רעזיסטאַנס

דעם 14טן מײַ 1941 פירט דורך די דײַטשע אָקופּאַציע־מאַכט די ערשטע גרויסע אַבלאַווע. זי נאַרט אַרײַן אויף אַ כיטרע אופן קנאַפּע 4.000 ייִדן און פאַרשפּאַרט זיי אין די צוויי ערשטע אין פראַנקרײַך קאָנצענטראַציע־לאַגערן פּיטיוויע און באָן לאַ ראָלאַנד.

די פּאַריזער רעזיסטאַנס־באַוועגונג אָרגאַניזירט באַלד גרויסע אַקציעס לטובת די אינטערנירטע און העלפט זיי צו אָרגאַניזירן דעם ווידערשטאַנד אינעווייניק.

עס ווערן אָרגאַניזירט מאַסן־מאַניפעסטאַציעס פון פרויען פון די אינטערנירטע פאַר די לאַגערן פּיטיוויע און באָן־לאַ־ראָלאַנד. אין דער שפּיץ פון די דאָזיקע מאַניפעסטאַציעס געפינען מיר די וואַרשעווער חנה רעפּקאָווסקי, איינע פון די אָנפירערינס פון דער אומלעגאַלער פרויען־באַוועגונג, און לויִז שפּערעק וועלכע איז אונדז שוין באַקאַנט ווי אַ סינדיקאַלע טוערין און וואָס האָט זיך אין דעם דאָזיקן פּעריאָד פאַרנומען מיט הילף און סאָלידאַריטעט־אַרבעט לטובת די פאַמיליעס פון די אינטערנירטע.

די מאַניפעסטאַציעס פאַר די לאַגערן זענען געווען זייער שטורמישע און זענען פאָרגעקומען אונטער דער לאָזונג: באַפרײַט אונדזערע מענער און קינדער! נעמט אָן פּעקלעך און בריוו! דערלויבט זעונגען!

די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס זענען געוואָרן אַלץ דראָענדיקער, אַזוי אַז אין אַ געוויסן מאָמענט האָט די מאַכט געמוזט פאַרלײַכטערן דעם רעזשים און נאָכגעבן געוויסע פאָדערונגען.

לויִז שפּערעק האָט פאַר איר מוט באַצאָלט מיטן לעבן. חנה רעפּקאָווסקי איז אָפּגעקומען מיט תפיסה, זי האָט אָבער באַצאָלט אַ בלוטיקן שטײַער. איר מאַן מאָריס רעפּקאָווסקי איז אין פּיטיוויע געווען אַקטיוו אין דער געהיימער אָרגאַניזאַציע. אַרבעטנדיק אין דער שוסטער־אַטעליע פלעגט ער אַרײַנקלאַפּן אין אַלטע שיך, אויף אַרויסצושיקן, געהיימע דאָקומענטן און געלט פאַר דער רעזיסטאַנס. מאָריס איז דערמאָרדעט געוואָרן אין אוישוויץ.

זייער זון אַנרי רעפּקאָווסקי איז שוין אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע אַן אַקטיווער טוער צווישן די שילער פון ליציי ווּ ער לערנט. ער ווערט זייער רעספּעקטירט דורך זײַנע חברים און דורך די לערער צוליב זײַנע אויסערגעוויינלעכע פעיִקייטן, אָבער ער ווערט דאָך אַרויסגעוואָרפן פון ליציי. ער ווערט אָבער נישט אַנטמוטיקט און אַנטוויקלט ערשט דאַן אַ ברייטערע אַרבעט צווישן דער יוגנט ביז ער איז געפאַלן אויף זײַן פּאָסטן. ער איז דעפּאָרטירט געוואָרן אין אומקום־לאַגערן.

צווישן די שרײַבער און זשורנאַליסטן געפינען מיר אין פּאַריז אַ חוץ עלסקין, דזשאַלאָווסקין זינט 1929. ער האָט מיטגעאַרבעט אין „נײַע פּרעסע", „ליטעראַרישע בלעטער", „אילוסטרירטע וואָך", „די פּרעסע" (אַרגענטינע), „פּאַריזער זשורנאַל". זײַן בוך פּאָעזיע „אַ ברויט מיט אַ מעסער" איז אויף סאָציאַלער טעמאַטיק. מען האָט אים דעפּאָרטירט אין 1943.

יאַנקל שפּאַן, איז געבוירן אין וואַרשע אין 1910. ווי אַ מיטאַרבעטער אין „ליטעראַרישע טריבונע" ווערט ער כסדר פאַרפאָלגט און מאַכט דורך פאַרשידענע תפיסות. זינט 1936 איז ער אין פּאַריז. ער איז מיטאַרבעטער אין „נײַע פּרעסע" און „פּאַריזער זשורנאַל". זײַן בוך „אויפן שווערן גרונט", באַהאַנדלט דאָס לעבן אין פּאַלעסטינע, וווּהין ער איז מיט זײַנע עלטערן געפאָרן אַלט זײַענדיק 14 יאָר. דעפּאָרטירט אין 1943.

אין לאַגער באָן־לאַ־ראָלאַנד איז איינער פון די אָנגעזעענסטע טוער פון דער רעזיסטאַנס דער וואַרשעווער יצחק פורמאַנסקי. אַן אינזשיניער פון פאַך, מיט אַ גרויסער געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער דערפאַרונג, קעמפט ער צוזאַמען מיט די איבעריקע מיטגלידער פון קאָמיטעט כדי אונטערצוהאַלטן די מאָראַל פון די אינטערנירטע, צו באַשיצן זייער געזונט, צו הייבן זייער קולטורעלן ניוואָ. צוליב זײַנע שטענדיקע באַמיִונגען לטובת די ליידנדיקע גיבן אים די אינטערנירטע דעם צונאָמען „דער בירגערמײַסטער פון באָן־לאַ־ראָלאַנד". ער איז באַזונדערס אַקטיוו צווישן דער יוגנט פון לאַגער, און צוזאַמען מיט אַנדערע העלפט ער אָרגאַניזירן דאָס

אַנטלויפן. אויך אויף דער דעפּאָרטאַציע אין אוישוויץ זעצט ער פאָר דעם קאַמף אין דער אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע. הײַנט איז ער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם „פאַרבאַנד פון די געוועזענע ייִדישע דעפּאָרטירטע אין פראַנקרײַך".

צווישן די אינטערנירטע אין ביידע לאַגערן האָבן זיך נאָך געפונען אַנדערע וואַרשעווער, וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, גאָר באַזונדערס צווישן דער יוגנט. אין פּיטיוויע איז דער אָנפירער פון דער יוגנט געווען מאָריס פּעפּערמאַן וועגן וועלכן מיר וועלן באַלד עפּעס זאָגן.

אין באָן־לאַ־ראָלאַנד זעען מיר אין דער אָנפירערשאַפט פון דער געהיימער יוגנט־אָרגאַניזאַציע ק. בירנבוימען, אַ טאַלאַנטפולן 19 יאָריקן בחור. ספּאָרטמעניש, מוזיקאַליש, מיט אַ זייער ברייטער אַלגעמיינער קולטור, האָט ער אַ גרויסן אײַנפלוס אויף דער יוגנט. עס איז אויך דאָ אַלעקס פינגערצווײַג, אַ ברודער פון באַרימטן פּאַרטיזאַן (זע ווײַטער) אַן איין און צוואַנציק יאָריקער קאָמוניסט, אַ שטילער און באַשיידענער, מיט זײַנע גרויסע מעלות און אינטעליגענץ האָט ער באַוויזן צו רעאַליזירן אַ גרויסע אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט. דער דריטער פון קאָמיטעט, אַ וואַרשעווער סטודענט, (זײַן נאָמען איז צום באַדויערן, פאַרגעסן געוואָרן) האָט מיט לײַב און לעבן געאַרבעט פאַר זײַנע אינטערנירטע חברים. זיי זענען אַלע דעפּאָרטירט געוואָרן און אומגעקומען.

אין האַרבסט 1941, ווען די פראַנצויזישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט מיט איר פאַרנעם איבערראַשט די אָקופּאַציע־מאַכט, האָבן די בלוטיקע נאַציס מיט שטולפּנאַגל, פאָן שאַומבורג, אָבערג און קנאָכן בראָש אָנגענומען די סאַמע דראַקאָנישסטע מאָסמיטלען כדי אונטערצודריקן די פראַנצויזישע רעזיסטאַנס. דעם קולמינאַציע־פּונקט פון די רעפּרעסיעס פון יענער צײַט איז געווען דאָס דערשיסן דעם 15טן דעצעמבער 100 „יודעאָ־קאָמוניסטן". צווישן די 48 ייִדן געפינען זיך פיל וואַרשעווער. מיר וועלן זיך בלויז אָפּשטעלן אויף די וועגן וועלכע מיר האָבן אַבסאָלוט זיכערע ידיעות.

ישראל (משה) בורשטין, געבוירן אין 1896. אין פאַרמלחמהדיקן פּאַריז האָט ער פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט ווי אַן ענערגישער טוער פון די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס און ווי אַ מיטגרינדער פון קליינהענדלער־פאַראיין, וועלכן ער האָט געפירט אין די וועגן פון אַ ברידערלעכער צוזאַמענאַרבעט מיט די פראַנצויזישע קליינהענדלער. ישראל בורשטין איז באַזונדערס נאָענט דעם ייִדישן יִשוב אין פראַנקרײַך ווי איינער פון די בויער און לאַנגיאָריקער „זשעראַנט" (פאַרוואַלטער) פון דער פּראָגרעסיווער פאָלקס־צײַטונג "נײַע פּרעסע". ישראל איז געפאַלן, אָבער זײַן פאַמיליע איז געגאַנגען אין זײַנע וועגן און ווײַטער פאָרגעזעצט דעם קאַמף אין דער רעזיסטאַנס־באַוועגונג. דער עלטערער זון מאָריס איז געוואָרן קאַפּיטאַן בײַ די פּאַרטיזאַנען, דער ייִנגערער 16יאָריקער לעאָן איז אויף זײַן קאַמפּספּאָסטן אַרעסטירט געוואָרן. אין מײַ 1944 האָט מען דעם מוטיקן לעאָן צוריקגעבראַכט מיט אַן אַוויאָן פון דעם באַפרײַטן אוישוויץ, כדי נאָך צו זען זײַן מוטער און פאַמיליע איידער ער האָט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם.

אַלבערט באַרנהיים, געבוירן אין 1916, געוועזענער קעמפער אין שפּאַניע, געווען אינטערנירט אין דראַנסי, צום סוף דערשאָסן. זײַן רירנדיקן לעצטן בריוו, וועלכן ער האָט דעמאָלט אַרויסגעשיקט, איז דורך דער רעזיסטאַנס פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן די ייִדישער באַפעלקערונג אויף די געהיימע פאַרזאַמלונגען. ער האָט איבערגעלאָזט אַ יונגע פרוי פון 23 יאָר מיט אַ זויגקינד. די פרוי איז געוואָרן אַקטיוו אין דער רעזיסטאַנס, אָבער זי איז שפּעטער אומגעקומען צוזאַמען מיטן קינד.

זשאַק (יצחק) גרינבוים איז געבוירן געוואָרן אין אָקטאָבער 1920. אַן אַקטיווער טוער פון דער יוגנט־רעזיסטאַנס איז ער צוזאַמען מיט זײַנע חברים דערשאָסן געוואָרן אויפן באַרג וואַלעריען („מאָן־וואַלעריען"). כדי צו זען זײַן מוטיקע האַלטונג איז גענוג צו לייענען די ווײַטערדיקע שורות פון זײַן לעצטן בריוו. „... איך שטעל מיר פאָר אײַער צער. ווען איך בין רײַף געוואָרן צו גרינדן אַ היים און ווען איך האָט געקלערט וועגן דעם, האָב איך זיך פאָרגעשטעלט דעם נחת וואָס איר וואָלט געהאַט בײַם אַלט ווערן, (וואָסער איראָניע צו שרײַבן דאָס צײַטוואָרט „אַלט ווערן") צו זען מײַנע דערוואַקסענע קינדער. און איך האָב זיך צוגעזאָגט זיי אויפ־

צוהאָדעווען ווי איר האָט מיך דערצויגן: ערלעכע און אויפריכטיקע, מוטיקע אויך מיט מוט אויף יעדן נסיון, אפילו אזא וואָס איז אויף מיר אַרויפגעלייגט געוואָרן. זײַן שטאַרק! איך בין דאָס. מוטיק — ווי מען דאַרף זײַן״.

יצחק גורא איז פון וואַרשע אַוועק, פאַרפאָלגט צוליב זײַן רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. אין פאַריז איז ער געווען איינער פון די גרינדער פון יִדישן פאָלקסאָרדן. ער האָט געהאַלטן אַ קליינעם רעסטאָראַן, ווּ עס פלעגן פאָרקומען געזעלשאַפטלעכע פאַרזאַמלונגען, אויך אומלעגאַלע אין דער צײַט פון דער אָקופאַציע. די דרײַ רעוויזיעס וואָס מען האָט בײַ אים דורכגעפירט אין דער היים און אין רעסטאָראַן האָבן געגעבן גענוגנדיקע באַווײַזן פון זײַן טעטיקייט. דעם 15טן יולי 1942 איז ער אָן אַ משפט דערשאָסן געוואָרן. אויף מאָרגן דעם 16טן יולי איז מען געקומען נעמען זײַן פרוי. דער 16 יאָריקער זון בערנאַרד, אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער יוגנט, האָט געקענט בלײַבן, ער האָט אָבער נישט געוואָלט לאָזן אַליין אַוועקפירן די אַלטע מוטער און זיי זענען ביידע אומגעקומען.

בײַ גוראַס שוועסטער פרומעט און שוואָגער הערשל וואָלמאַרק איז געווען אײַנגעאָרדנט אַ געהיימע דרוקערײַ (אויף 14 רי מאָראָ) פון דער יִדישער רעזיסטאַנס. אין דער דאָזיקער דרוקערײַ זענען געווען פאַרבינדלערינס אַנקאַ וואַקסבערג און אַוויוואַ. די דרוקערײַ איז דורכגעפאַלן און ביידע פרויען זענען אומגעקומען.

אַנקאַ וואַקסבערג איז אין די וואַרשעווער קאָמוניסטישע קרײַזן גיכער געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען אַנקע דראָזשקאַזש. אין פאַריז איז זי אין אָנהייב פון דער אָקופאַציע געווען טעטיק אין דער אומלעגאַלער פרויען־באַוועגונג בײַ דער „סאָלידאַריטעט״. זי האָט זייער אַקטיוו געאַרבעט צו שטיצן די קרבנות פון דער אָקופאַציע.

די גאַנצע פאַמיליע וואָלמאַרק איז געווען אַקטיוו אין דער רעזיסטאַנס. די מוטער פרומעט איז געוואָרן דעפאָרטירט און איז צוריקגעקומען, דער זון, אָבער, שאַרל וואָלמאַרק האָט געהאַט אַן אַנדער גורל.

שאַרל וואָלמאַרק, געבוירן אין 1921 אין וואַרשע, קומט צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן קיין פאַריז אין עלטער פון דרײַ יאָר. ער איז פון אָנהייב טעטיק אין דער קינדער־באַוועגונג און אין 1941 ווערט ער אַרעסטירט צוזאַמען מיט אַ גרופע חברים אין דער פאַריזער אומגעגנט, ווּ ער איז אַרויסגעפאָרן פאַרשפרייטן אומלעגאַלע צײַטונגען. מען פאַרמשפט אים אויף 5 יאָר. ער זיצט אין דער פעסטונג ווילנעוו־סען־זשאָרזש. עס געלינגט אים צו אַנטלויפן. אין דער דרום־זאָנע איז ער טעטיק אין דער יוגנט פון טולוז. שפעטער ווערט ער סעקרעטאַר פון געגנט־קאָמיטעט פון דער יִדישער קאָמוניסטישער יוגנט אין גרענאָבל און אין דעצעמבער 1943 ווערט וואָלמאַרק אָנפירער פון די קאַמפגרופעס אין גרענאָבל און אומגעגנט. אין יולי 1944 ווערט ער אַרעסטירט דורך די ס״ס און אין אַ וואָך שפעטער דעם 31טן יולי, ווערט שאַרל דערשאָסן אין איינעם מיט נאָך 11 חברים, אין מיטן פעלד.

(מאַרישאַ) מרים דיאַמענט, געבוירן אין 1911. ווי אַ 17 יאָריק מיידל איז זי שוין געווען די אָנפירערין פון דער אומלעגאַלער טעכניק בײַם שטאָט־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע. שפעטער פירט זי אָן מיט דער זעלבער אַרבעט בײַ דער וואַרשעווער יוגנט. זיצנדיק פאַרשפאַרט אין וואַרשעווער תפיסה הערט זי נישט אויף צו שטודירן. עס געלינגט איר זיך אַרויסצורײַסן. זי ווערט אין 1933 דורך אירע עלטערן אַוועקגעשיקט קיין פאַריז. זי אַרבעט אַלס שנײַדערקע און איז טעטיק אין די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס. זי איז באַזונדערס אַקטיוו אינעם קאָמיטעט צו הילף די אינטערנאַציאָנאַלע קעמפער אין שפאַניע.

אונטער דער אָקופאַציע לעבט זי אין מאַרסעל, ווּ, זי איז די צענטראַלע פאַרבינדלערין פון דער מאָ״י (רעזיסטענץ־אָרגאַניזאַציע וואָס נעמט אַרום אַלע אײַנגעוואַנדערטע). זי פאָרט כסדר אַרום אין צפון ־פראַנקרײַך, פאַריז און דרום און ווײַזט אַרויס אַ סך מוט און אינטעליגענץ אין איר אַרבעט. אַ געוויסן אַפריל־טאָג פון 1942 ווערט מרים פאַרהאַלטן בײַ דער דעמאַרקאַציע־ליניע, פאָרנדיק פון פאַריז. מען געפינט אין איר מאַנטל אײַנגענייטע דאָקומענטן וועגן ווידערשטאַנד־קאַמף. פון תפיסה צו תפיסה ווערט זי פאַרשלעפט קיין דײַטשלאַנד. אין ברעסלוי ווערט מרים עקזעקוטירט אויפן נאַציִשן באַרבאַרישן אופן. איר יונגער קאָפ פאַלט אַ בלוטנדיקער אונטער דער האַק...

דער דײַטשער גײַסטלעכער, וואָס האָט איבערגעגעבן די ידיעה, האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „איר דאַרפט אַלע בעטן פאַר דער נשמה פון מאַריע דיאַמענט — זי איז מוטיק געפאַלן...״

שמעון שטרופמאַן, געבוירן אין וואַרשע אין 1905. צו 17 יאָר נעמט ער שוין אָנטייל בײַם אָרגאַניזירן די יוגנט אין לינקן פראָפעסיאָנעלן פאַראיין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע. אין פאַריז ווערט שמעון איינער פון די באַליבטסטע טוער פון דער פראָגרעסיווער באַוועגונג. ער איז טעטיק אין סינדיקאַט, אָרגאַניזאַטאָר פון דער אַרבעטסלאָזע־באַוועגונג, מיטגרינדער פון „אַרבעטער־אָרדן״.

אין צײַט פון דער אָקופאַציע מיידט ער אויס אַרײַנצופאַלן אין לאַגער פיטיוויע (1941) און איז אַקטיוו אין לאַטײַנישן קוואַרטאַל צווישן די סטודענטן. ער אָרגאַניזירט די ערשטע סאַבאָטאַזש־גרופעס. שפעטער פירט שמעון אָן מיט דער אָרגאַניזאַציע פון סאַבאָטאַזש אין דער פעלץ־אינדוסטריע, וואָס אַרבעט אויסשליסלעך פאַר די דײַטשן.

שמעון צייכנט זיך באַזונדער אויס מיט זײַן אַקטיוויטעט אין פאַריז בעת דעם אויפשטאַנד פונעם וואַרשעווער געטאָ. ער פירט דורך צענדליקער אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען אין די פאַבריקן און אַטעליעס גופא, רופנדיק נאָכצוטאָן דעם בײַשפיל פון די וואַרשעווער אויפשטענדלער.

היות ער ווערט פאַרפאָלגט פון דער פאָליציי, שיקט די אָרגאַניזאַציע אַריבער שמעונען אין דער דרום־זאָנע. שטרופמאַן ווערט דער פאָליטישער פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פונעם „פאַרבאַנד פאַר ווידערשטאַנד און קעגנזײַטיקער הילף״ („אוניאָן״) אין דער שטאָט ליאָן און אומגעגנט. דאָס נעמט אַרום אַן אומגעהייער ברייט פעלד פון אַרבעט, אָרגאַניזאַציע, פראָפאַגאַנדע, סאָלידאַריטעט און רעקרוטירונג אין די קאַמפגרופעס.

אין אַפריל 1944 ווערט שמעון, דער שיין געבויטער מאַן, דער גוטהאַרציקער פאָלקסמענטש און מוטיקער קעמפער, אַרעסטירט.

ביז איצט איז אומבאַקאַנט ווי אַזוי ער איז אומגעקומען. עס איז זייער וואַרשיינלעך, אַז ער איז דורך פײַניקונגען דערמאָרדעט געוואָרן אין די קעלערן פון דער געשטאַפאָ.

וואַרשעווער אין די רייען פון די פראַנצויזישע פאַרטיזאַנען

אין משך פון אַ יאָר דײַטשע אָקופאַציע האָבן די פראַנצויזישע אַרבעטער און פאָלקסמאַסן אויף אַן אַלץ אַקטיווערן אופן אָרגאַניזירט זייער ווידערשטאַנד, אונטער דער אָנפירונג פון דער פראַנצויזישער־קאָמוניסטישער פאַרטיי און פון די אומלעגאַלע פראָגרעסיווע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס.

אויף אַלע אָפשניטן פון דער רעזיסטענץ האָבן זיך, ווי מיר ווייסן, געפונען יִדן סײַ אין די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס און סײַ אין ספעציעל יִדישע. טראָץ דעם וואָס אַ סך פריִער האָבן עקסיסטירט פאַרטיזאַנען, ווערט די אָפיציעלע דאַטע פון דער אַנטשטייונג פון פראַנצויזישן פאַרטיזאַנען־קאַמף גערעכנט דער 20טער אויגוסט 1941, ווען דער באַרימטער פראַנצויזישער העלד, דער קאָלאָנעל פאַביען, האָט אין אַ העלן פרימאָרגן אַוועקגעלייגט אַ נאַציִשן אָפיציר, אין די אויגן פון הונדערטער פאַסאַזשירן פון אונטערבאַן (מעטראָ).

נאָך פאַר דער דאָזיקער דאַטע האָבן זיך יִדישע פאַרטיזאַנען געפונען אינעם העראָיִשן באַוואָפנטן קאַמף אין דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע פון די „פראַנצויזישע פרײַשיסער און פאַרטיזאַנען״ (פטפ״פ).

די יִדישע פאַרטיזאַנען געפינען מיר אין: 1) די פראַנצויזישע פאַרטיזאַנען־איינהייטן און אין די „מאַקים״; 2) די פאַרטיזאַנען־איינהייטן פון די אײַנגעוואַנדערטע (רומענישע, אונגאַרישע

א"א); 3) ספּעציפישע ייִדישע איינהייטן, פאָרמירטע פון ייִדיש־רעדנדיקע, אין פּאַריז אין דער „2טער אָפּטיילונג" און אין דער דרום־זאָנע אין די „ייִדישע קאַמפגרופּעס" פון ליאָן, מאַרסעל און אַנדערע שטעט. די „קאַמפגרופּעס" זענען געווען אָרגאַניזירט דורך דער גרויסער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע „פאַרבאַנד פאַר ווידערשטאַנד און קעגנזײַטיקער הילף" („אוניאָן").

עס מוז אָבער גלײַך ווערן אונטערגעשטראָכן, אַז אַלע פּאַרטיזאַנען אין דער פטפ"פ, פון וועלכער בירגערשאַפט זיי זאָלן נישט האָבן געווען, האָבן געבילדעט איין גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע משפּחה. אין זייערע פליכטן און רעכטן זענען די פראַנצויזן, איטאַליענער, ייִדן און אַנדערע, געווען אַבסאָלוט גלײַכע. אַלע זענען געווען באַהויכט מיטן זעלבן קאַמפגײַסט, מיטן זעלבן אידעאַל.

אין די פאַרשידענע איינהייטן האָבן זיך געפונען ייִדישע פּאַרטיזאַנען וואָס האָבן געשטאַמט פון וואַרשע. אין די ראַמען פון אונדזערע מעגלעכקייטן וועלן מיר זיי דערמאָנען:

מאָריס פעלד און מאָריס פּעפּערמאַן, די „אומצעשיידבאַרע חברים", זענען געווען פון די ערשטע ייִדישע פּאַרטיזאַנען אין פראַנצויזישע איינהייטן.

מאָריס פעלד איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע אין 1927, מאָריס פּעפּערמאַן — אין 1921. ביידע זענען זיי געקומען מיט זייערע עלטערן פון וואַרשע אַלס 2יאָריקע קינדער.

מאָריס פעלד איז געוואָרן אַ מעכאַניקער און האָט געחלומט צו ווערן אַ פּילאָט. שוין אין 1940 ווערט ער דורך אַ מסירה אַרעסטירט צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן. מען פּײַניקט זײַן מוטער און מאָריסן גופא, זיי זאָלן זיך מודה זײַן. ווען די דרײַסטע מוטער ווערט אָפּגעמונטערט כדי מען זאָל זי ווידער אָנהייבן צו מאַטערן, זענען אירע ערשטע רייד: „זון מײַנער, רעד נישט קיין איין וואָרט!" און צו די פּאָליציייִשע מערדער שרײַט זי אויס מיט שטאָלץ: „איר קענט מײַן זון דערהרגענען פאַר מײַנע אויגן, מיר וועלן אײַך גאָרנישט זאָגן! מיר זענען נישט קיין פּחדנים און נישט קיין פאַררעטער".

אָט איז אַ נײַ געשטאַלט אין אונדזער מאָדערנער געשיכטע פון אַ ייִדישער מאַמע. זי איז נישט די איינציקע.

די העלדישע טאַטע־מאַמע האָבן פאַר זייער מוט באַצאָלט מיטן לעבן. מאָריס פעלד איז נאָך פיר חדשים באַפרײַט געוואָרן; ער איז דאָך קוים 13 יאָר אַלט געווען און קיין קאָנקרעטע באַווײַזן האָט די פּאָליציי נישט געהאַט. ווי נאָר ער איז אויף דער פרײַ, קערט ער זיך אום צו זײַן יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

מאָריס פּעפּערמאַן לערנט אין אַ האַנדלסשול. ער האָט ליטעראַרישע פעיִקייטן און שרײַבט פּאָעזיע. פאַר זײַן אומלעגאַלער טעטיקייט שלעפּט מען אים פון איין תפיסה צו דער אַנדערער, ביז ער פאַלט אַרײַן אינעם ייִדן־לאַגער פּיטיוויע. דאָרט ווערט ער מיטגליד פון דעם אומלעגאַלן רעזיסטאַנס־קאָמיטעט. פּעפּערמאַן איז דאָרט דער אָנפירער פון דער יוגנט. די ווידערשטאַנד־באַוועגונג נעמט אָן מיטלען אים צו העלפן צו אַנטלויפן. פּעפּערמאַן גייט צוריק צו זײַן יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

אונטער דער אָנפירונג פון באַרימטן קאָלאָנעל פאַביען זענען מאָריס פעלד און מאָריס פּעפּערמאַן און זייערע חברים שמואל טישעלמאַן (ערשטער דערשאָסענער אין פראַנקרײַך) און אליהו וואָלאַך (פּאַרטיזאַן, דערשאָסן געוואָרן) די, וועלכע ברענגען אַרײַן קיין פּאַריז די ערשטע 25 קילאָ דינאַמיט פאַר דער נאָר וואָס געשאַפענער פּאַרטיזאַנען־אָרגאַניזאַציע.

פעלד און פּעפּערמאַן זענען פון איצט אָן אין איין פּאַרטיזאַנען־גרופּע. זיי באַפאַלן דײַטשע אָפיצירן אויף די בולוואַרן, זיי פירן דורך אַקציעס פון סאַבאָטאַזש, אויפרײַסנדיק אַ דײַטשן האָטעל און דורכפירנדיק אַן אַטענטאַט אויף אַ קינאָ, ווו מען האָט געוויזן דעם אַנטיסעמיטישן פילם „ייִד זיס".

איין מאָל האָבן זיי ביידע דורכגעפירט אַן אַטענטאַט אויף אַ גרויסער פאַבריק. פעלד איז אַרעסטירט געוואָרן. בײַ זײַנע 15 יאָר האָט ער זיך שוין אין גאַנצן געזען פאַרלוירן... פּעפּערמאַן איז געווען אויסער יעדער געפאַר. ער איז אָבער צוריק געקומען מיט

אַן אימפּעט און געעפנט אַזאַ געדיכטע שיסערײַ, אַז די אַגענטן האָבן געמוזט אָפּלאָזן זייער קרבן. גערירט פונעם דאָזיקן עפּיזאָד האָבן ביידע חברים געשוווירן אַז „זיי וועלן זיך איינער דעם אַנדערן קיין מאָל נישט פאַרלאָזן, אַפילו פאַרן פרײַז פונעם לעבן".

דעם 10טן מײַ 1942 האָבן פעלד און פּעפּערמאַן באַפאַלן אַ האָטעל באַוווינט פון דײַטשן מיליטער. די שטאַרקע וואַך האָט זיך גענומען יאָגן נאָך די פּאַרטיזאַנען אין די געדיכטע פּאַריזער גאַסן, לעבן די גרויסע בולוואַרן. פעלד האָט באַמערקט אַ צופעליקן בייציקלעט, האָט ער אים אַ כאַפּ געטאָן און איז אַנטלאָפן. פּאָליציי האָט געהאַפּט צו כאַפּן פּעפּערמאַנען. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרביטערטע שלאַכט. אויף דער גאַס דע לאַ מעסאַזשערי האָט פּעפּערמאַן אַליין אָנגעהאַלטן דעם קאַמף... פעלד, וועלכער איז שוין לאַנג געווען אויסער געפאַר, האָט דערהערנדיק די שיסערײַ, פאַרשטאַנען אַז זײַן חבר קעמפט אַליין. ער איז געקומען צו לויפן און די שלאַכט האָט זיך באַנײַט.

פּעפּערמאַן איז געפאַלן, דורכגעלעכערט פון עטלעכע און צוואַנציק קוילן. פעלד, אַ פאַרוווּנדעטער, איז געבליבן אין תפיסה דרײַ און אַ האַלבן חודש און נאָך דעם איז ער דערשאָסן געוואָרן.

אַזוי האָבן די צוויי חברים צוזאַמען געקעמפט און זענען צוזאַמען געפאַלן פאַר זייער אידעאַל פון פרײַהייט.

פאַרן הויז ווו די דראַמאַטישע שלאַכט איז פאָרגעקומען הענגט אַ מאַרמאָר־טאָוול צום אָנדענק פון מאָריס פּעפּערמאַן. אויף פּאַבור סען דעני געפינט זיך אַ טאָוול צום אָנדענק פון מאָריס פעלד.

יאָסל גאָלדשטיין, דער זון פון הײַנטיקן פּרעזידענט פון דער געזעלשאַפט וואַרשע־אָכאָטע־פּאָוואָנזעק איז געבוירן געוואָרן אין 1916. אָנהייב קריג קעמפט ער אויפן פראָנט קעגן די דײַטשן. ער פאַלט אַרײַן אין געפאַנגענשאַפט פון וואַנען ער אַנטלויפט. ער קעמפט אין דער רעזיסטאַנס אין דעם א"ס (אַרמעי סעקרעט), אין די געגנטן פון מאַרסעל, ליאָן־גרענאָבל. ער פאָרט מיט אַ מיסיע אין איטאַליע און ווערט באַפרײַט פון די אַנגלאָ־אַמעריקאַנער. ער קומט צוריק קיין פראַנקרײַך און אין דער רעזיסטאַנס פון דער געגנט פון מאַרסעל ווערט דער 18יאָריקער אָפיציר יאָסל גאָלדשטיין אַרעסטירט דורך די נאַציס און דערשאָסן.

אין פרילינג 1942 איז אין פּאַריז געגרינדעט געוואָרן די ייִדישע פּאַרטיזאַנען איינהייט „די צווייטע אָפּטיילונג"*) אין דער ייִדישער קאָמפּאַניע האָבן זיך געפונען אַ געוויסע צאָל וואַרשעווער וועגן וועמענס העלדישקייטן עס איז נאָך איצט נישט מעגלעך אַלץ אויסצושרײַבן. מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף אייניקע פון זיי, דער עיקר פון די וועלכע זענען געווען באַשולדיקט אינעם באַרימטן „פּראָצעס פון די 23". אין דער שפּיץ פון די דאָזיקע פּאַרטיזאַנען זענען געשטאַנען די דרײַ באַרימטע העלדן מ. מאַנוכיאַן (אַן אַרמענער) יוסף באָצאָוו (פון רומעניע) און מאַרסעל ריימאַן (פון וואַרשע). זיי זענען אַלע פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און דערשאָסן געוואָרן דעם 21טן פעברואַר 1944.

מאָריס פינגערצווײַג, אין געבוירן אין וואַרשע אין 1932. אין עלטער פון דרײַ יאָר קומט ער צוזאַמען מיט זײַנע עלטערן קיין פּאַריז. ער הייבט אָן אַרבעטן גאָר יונג ווי אַ טאַפּעצירער. אין 1940 טרעט ער אַרײַן אין דער קאָמוניסטישער יוגנט. זײַנע עלטערן און ברידער ווערן דעפּאָרטירט אין 1942 און דער יונגער מאָריס שליסט זיך אָן צו די פּרײַשיסער און פּאַרטיזאַנען. אונטער דער אָנפירונג פון מאַנוכיאַן נעמט פינגערצווײַג אָנטייל אין דרייסטע אַקציעס, אויפרײַסנדיק צוגן אין וועלכע הונדערטער און טויזנטער ווערמאַכטלער ווערן צעריסן.

ער האַלט זיך מוטיק אויפן פּראָצעס און אין זײַן לעצטן בריוו צו באַקאַנטע און צו זײַנע עלטערן (אין פאַל אויב זיי וועלן צוריקקומען פון דעפּאָרטאַציע), שרײַבט ער: „איך שרײַב אײַך די לעצ־

---

*) אירע גרינדער זענען געווען שפּאַניע־קעמפער. דער אונדז שוין באַקאַנטער פאַרדינסטפולער סעוועק קירשענבוים (דערמאָרדעט דורך די נאַציס). זאַקין איז אַרעסטירט געוואָרן בעת אַן אַקציע און דערשאָסן געוואָרן מיט אליה וואַלאַך און א. ליסנער (איצט אין פּאַריז).

טע ווערטער מיט מייַן האַנט, כדי צו זאָגן אַדיע אייַך און דעם לעבן וואָס איך האָב געוואָלט זען שענער. אויב מייַנע עלטערן און מיינע ברידער וועלן האָבן דאָס גליק צוריקצוקומען ווען עס איז לעבעדיקע פונעם שטורעם, וועט איר זיי קאָנען זאָגן אַז איך בין העלדיש געפאַלן".

זיי זענען נישט צוריקגעקומען און מאָרים פינגערצווייַג האָט מיט זייַן קאַמף זיך נוקם געווען פאַר זייער מאַרטירערטום און איז אַליין געפאַלן ווי אַ העלד.

לעאָן גאָלדבערג, איז געבוירן געוואָרן דעם 21טן פעברואַר 1924. נאָך יונג קומט ער מיט זייַנע עלטערן פון וואַרשע קיין פאַריז. ער האָט אַ גאַנץ גליקלעכע ערשטע יוגנט און געהערט נישט צו קיין שום געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג.

ווען זייַנע עלטערן ווערן דעפאָרטירט אין 1942 באַשליסט ער זיך נוקם צו זייַן פאַר זייערע לײַדן און וויל ווערן אַ פאַרטיזאַן. נישט קאָנענדיק קיינעם קומט עס אים אָן נישט גרינג. אָבער ווען ער ווערט אָנגענומען מיט אַ ברידערלעכער וואַרעמקייט, קעמפט גאָלדבערג מיט זייַן גאַנצער יוגנטלעכער ענערגיע, ביז ער פאַלט מיט געווער אין האַנט.

דער שרעקלעכער גורל האָט געוואָלט אַז פונקט צו 20 יאָר, דעם זעלבן טאָג וואָס ער איז געבוירן געוואָרן, זאָל ער דערמאָרדעט ווערן. „דאָס איז געווען צו שטאַרק — שרייַבט ער אין זייַן לעצטן בריוו — מיר צוצושטעלן אַזאַ יאָרטאָג־מתנה". ער איז מוטיק אין אָנבליק פונעם טויט און אין די לעצטע שעהען שרייַבט ער:

„...דו זאָלסט נישט וויינען און זאָלסט זייַן זייער מוטיק, ווי איך בין אַליין. איך האָב נישט מורא צו שטאַרבן. איך האַלט דאָך אַז ס'איז אַ ביסל צו פרי..."

אין אַ צווייטן בריוו צו דער מאַמען (זי איז קיין מאָל נישט צוריקגעקומען) שרייַבט ער:

„...דו וועסט לייַכט פאַרשטיין דאָס וואָס עס איז געשען. איך בין געפאַלן קעמפנדיק, און דאָס וואָס עס האָט מיט מיר פאַסירט איז בעסער איידער צו ווערן דעפאָרטירט צוזאַמען מיט מייַן פאַמיליע און דאָרטן שטאַרבן. אויב מייַנע קרובים וועלן צוריקקומען, טרייסט זיי. ס'איז נישט נייטיק אַז זיי זאָלן מיך באַוויינען, אַזוי פיל אַנדערע זענען געפאַלן און וועלן נאָך פאַלן אין קאַמף..."

מאיר (מאַרקוס) ליסט, איז געבוירן געוואָרן אין 1907 נישט ווייַט פון וואַרשע (מאַלקין). עס איז אונדז נישט באַקאַנט צו ער האָט געלעבט אין דער הויפטשטאָט גופא, נאָר אַזוי ווי זייַן קאַמף פאַר פרייַהייט האָט זיך אויסגעווירקט אין פוילן, אַרגענטינע, שפאַניע און פראַנקרייַך, האַלטן מיר פאַר נייטיק אייַנצוגלידערן דאָ זייַן קורצע ביאָגראַפיע און זייַן לעצטן בריוו.

מאיר ליסט איז געווען אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, צוזאַמען מיט זייַנע פיר ברידער. די גאַנצע פאַמיליע עמיגרירט קיין אַרגענטינע, וווּ זיי ווערן שנעל אַרייַנגעצויגן אינעם אַרבעטער־קאַמף. אין 1931, ווען זייַן עלטערער ברודער פירט אָן אַ שטרייַק, — קומט צו אַ צוזאַמענשטויס מיט דער פאָליציי און ער ווערט דערהרגעט.

מאיר ליסט איז געווען אַקטיוו אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַרגענטינע. צוליב די רדיפות פון דער פאָליציי מוז ער אַנטלויפן קיין אורוגווייַ, וווּ ער זעצט פאָר דעם קאַמף. ער קומט צוריק קיין אַרגענטינע, אַרבעט אין דער באַוועגונג אומלעגאַל, ביז ער ווערט אַרייַנגעזעצט אין דער תפיסה פון ווילזשאַ דעוואָטאָ. הינטער די גראַטעס אָרגאַניזירט ער אַ הונגערשטרייַק צוזאַמען מיט זייַנע חברים און אַלע ווערן באַפרייַט.

אין 1936 קומט ער העלפן דער שפאַנישער רעפובליק.

אין פראַנקרייַך ווערט ער קראַנק אויף טובערקולאָז. אין פרילינג 1942 ווען עס הייבט זיך אָן צו פאָרמירן די ערשטע ייִדישע פאַרטיזאַנען־גרופע, פאַרלאָזט ער דאָס שפיטאָל און שטעלט זיך צום קאַמף. ער ווערט דער פאָליטישער קאָמיסאַר פון דער ייִדישער פאַרטיזאַנען־איינהייט „צווייטע אָפטיילונג". ס'איז אוממעגלעך אויסצורעכענען די אַלע אַקציעס וואָס זענען אויף זייַן אַקטיוו.

אָבער מיט זייַן ענערגיע האָט ער שטענדיק מיטגעצויגן זייַנע חברים. ער ווערט אַרעסטירט און דעם 20טן סעפטעמבער פאַרמשפט צום טויט.

דעם 1טן אָקטאָבער 1943 ווערט ער דערשאָסן.

דער לעצטער בריוו פון מאַרקוסן:

תפיסה פון פרען, דעם 1943.10.1, 12 אַ זייגער.

מייַנע זייער טייַערע עלטערן, ברידער, שוועסטער און פרייַנד!

דעם 20טן סעפטעמבער 1943 בין איך פאַרמשפט געוואָרן צום טויט און הייַנט 16 אַ זייגער וועל איך ווערן דערשאָסן.

איך קען אייַך זאָגן אַז איך האָב געאַרבעט ביזן לעצטן טאָג פון מייַן אַרעסט אין מייַן פאַך, וואָס מייַן ברודער דוויד האָט מיך אויסגעלערנט און איך האָב אים געהאָלפן דערין. איך בעט אייַך אים צו העלפן איצט מערער, ווייַל איך וועל אים מערער נישט קענען העלפן. *)

מייַנע טייַערע פאָטער און מוטער! אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך קען אייַך נישט געבן דאָס נחת מיך צו זען אַלס טאַטע, אָבער ס'איז נישט געווען מייַן שולד, ווייַל ס'איז באמת דער גרעסטער פאַרגעניגן צו זען די אייגענע זין שוין גרויסע און ווי זיי אַרבעטן.

פאַרגעסט נישט די דאַטע ווען יעקב איז געפאַלן. דאָס איז געווען דעם 1931.9.18. מייַנע טייַערע, וויינט נישט, מען דאַרף האָבן מוט און גלויבן.

מייַן טייַערע לאַמבאַ! איך האָב שוין געזאָגט אַז עס איז נישט מייַן שולד נישט צו קענען זייַן צוזאַמען מיט דיר אין פרייד, און אייַנאָרדענען אונדזער גליקלעך לעבן. אַלזאָ, ווינטש איך דיר אַ גליקלעך לעבן און אַרבעט צו קענען העלפן מייַן ברודער.

עטלעכע ווערטער פאַר מייַן פאַטראָן אַדאָלף**) איך דאַנק אים זייער און זייַן פאַמיליע פאַר אַלץ וואָס ער האָט מיר געהאָלפן אין מייַן אַרבעט. איך געפין גענוג מוט, און איך בעט אייַך נישט צו לייַדן.

טייַערע ברידער! העלפט און שעצט אונדזערע עלטערן.

אייַער זון, ברודער, מאַן און פרייַנט מאיר ליסט, געבוירן דעם 1907.10.10. מייַן פרוי הייסט לאַמבאַ בלום פון ריגע.

חשובע פרוי לאַטער! איך בעט איבערשיקן דעם בריוו צו מייַנע עלטערן.

איינער פון די וווּנדערלעכסטע געשטאַלטן פון די ייִדישע פאַרטיזאַנען איז געווים מאַרסעל ריימאַן, וועלכער האָט באַקומען ־עם צונאָמען „טשאַפאַיעוו".

געבוירן אין וואַרשע דעם 1טן מייַ 1923 איז ער מיט זייַנע עלטערן געקומען קיין פראַנקרייַך אַלס אַכטיאָריק ייִנגעלע. ער באַקומט אַ פראָגרעסיווע דערציִונג, אַרבעט ווי אַ שטריקער און איז אַקטיוו אין די קינדער־ און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

זייַן שיין אויסזען, זייַן פרייִלעכע נאַטור, זייַן גוטסקייט און אינטעליגענץ מאַכן אים באַליבט ביי זייַנע חברים. 1940 איז ער אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער יוגנט אין 11טן באַצירק אין פאַריז.

ווען עס גרינדעט זיך די ייִדישע „צווייטע אָפטיילונג" איז מאַרסעל איינער פון די ערשטע פאַרטיזאַנען. ער צייכנט זיך שנעל אויס אין פאַרשידענע אַקציעס און ווערט באַלד אינסטרוקטאָר, פריִער אין דער ייִדישער אָפטיילונג און שפעטער אין דער אַרמעניש און טשעכישער. ער באַהערשט די טעכניק פון פאַרטיזאַנען־

---

*) אַן אָנצוהערעניש אויף דער קאָמוניסטישער טעטיקייט, אין וועלכע זיין ברודער האָט אים אַרייַנגעצויגן. (באַמערקונג פון מחבר).

**) עס האַנדלט זיך מער ווי זיכער וועגן פאַרטיזאַן און נאָענטן מיטאַרבעטער „קאָמענדאַנט זשילבער" (שמעלקע וויסבערג), וועלכער האָט דעמאָלט געהאַט דעם פסעוודאָנים „אַדאָלף".

קאַמף. ער לערנט און לייענט און פאַרפולקומט זיך שטענדיק. ער פירט אָן מיט די סאַמע דרייסטע אַקציעס. אויף די גאַסן פון פּאַריז אַטאַקירט ער מאַרשירנדיקע דײַטשע מיליטערישע איינהייטן. ער רײַסט אויף טראַנספּאָרטן, ער צינדט אונטער אַ צוג מיט סחורה, וואָס דאַרף אָפּגיין קיין דײַטשלאַנד. עס איז דאָ נישט מעגלעך אויסצורעכענען אַלע אַקציעס, אָבער די צוויי וויכטיקסטע זענען זיכער די וואָס האָבן געהאַט אין פּאַריז דעם גרעסטן אָפּקלאַנג.

צוזאַמען מיט אַ שפּאַנישן און איטאַליענישן חבר האָט ער אַוועקגעלייגט דעם ד״ר ריטער — פּאַרטרעטער פון גאַולײַטער זאַוקעל, וואָס האָט דעפּאָרטירט הונדערטער טויזנטער פראַנצויזישע אַרבעטער קיין דײַטשלאַנד.

די צווייטע אַקציע איז דאָס עקזעקוטירן דעם גענעראַל פאָן שאַומבערג, „קאָמענדאַנט פון גראָספּאַריז", וועלכער האָט געהאַט אויף זײַן געוויסן אַ גרויסע צאָל מאַסן־דערשיסונגען פון ייִדן און „באָלשעוויסטן".

די דאָזיקע העלדן־מעשים פון אַ ייִדישן בחור האָבן בײַם פראַנצויזישע פאָלק הויך געהויבן דעם אָנזען פון די גערודפטע ייִדישע מאַסן, וועלכע האָבן געהאַט אויסצושטיין אַזוי פיל דערנידעריקונגען און פּײַניקונגען מצד דעם אָקופּאַנט.

אויפן „פּראָצעס פון די 23" האָט זיך מאַרסעל ריימאַן, טראָץ דעם וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פיר חדשים שווערע טאָרטורן, זיך נישט געבויגן. אַן אויסגעצערטער, אַ פאַרמוטשעטער מיט גלײַענדיקע אויגן שרײַט ער אויס צו דעם דײַטשן מיליטערישן טריבונאַל:

„ווי אַ ייִד האָב איך נישט געזען קיין אַנדער אויסוועג ווי צו נעמען געווער אין האַנט און קעמפן קעגן אײַך."

דעם 21טן פעברואַר איז ער מיט זײַנע אַלע חברים דערשאָסן געוואָרן אויפן מאָן־וואַלעריען.

באַלד נאָך דער באַפרײַונג פון פּאַריז, האָט אַ ייִדישע מיליטערישע איינהייט, ווי אַ טייל פון דעם באַטאַליאָן „ליבערטע", באַקומען דעם נאָמען „ריימאַן־קאָמפּאַניע".

אין זײַנע לעצטע בריוו דריקט זיך מאַרסעל ריימאַן אויס אַזוי:

„זאָל לעבן דאָס שיינע און פריילעכע לעבן, ווי מיר וואָלטן עס אַלע געוואָלט... איך האָב אַלעמען ליב און זאָל לעבן דאָס לעבן, זאָלן אַלע לעבן גליקלעך..."

די דאָזיקע פּאָר ווערטער דריקן אויס דעם געמיט־צושטאַנד פון דעם פּאַרטיזאַנען־העלד און פון אַלע די וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף. זיי האָבן געקעמפט פאַרן לעבן. זיי האָבן ליב געהאַט דאָס לעבן. זיי האָבן עס געשעצט אַזוי הויך אַז זיי האָבן זיך מקריב געווען, כדי אַנדערע זאָלן לעבן גליקלעך.

די ייִדישע קאַמפּסגרופּעס בײַ דער „אוניאָן"

די ייִדישע קאַמפּסגרופּעס זענען געווען ספּעציפישע אָרגאַניזאַציעס וועלכע זענען געשאַפן געוואָרן דורך דער „אוניאָן". רעקרוטירט מערסטן טייל צווישן ייִדיש־רעדנדיקע פאָלקסמענטשן, אָפט מאָל נישט קיין יוגנטלעכע, האָבן די קאַמפּסגרופּעס אָנגעהויבן זייער טעטיקייט אויף אַ גאָר באַשיידענעם אופן: פּראָפּאַגאַנדע, פאַרשפּרייט דורך דער אומלעגאַלער פּרעסע, קלעפּן אומלעגאַלע פּלאַקאַטן אאַ״וו. מיט דער אַנטוויקלונג פונעם אַלגעמיינעם ווידערשטאַנדס־קאַמף זענען די קאַמפּסגרופּעס געוואָרן אַן אמתע שלאַכט־אָרגאַניזאַציע. ענלעך ווי די פּט״פּ האָבן די ייִדישע קאַמפּסגרופּעס אַלץ מער זיך פאַרנומען מיט איבערפאַלן אויף דײַטשן, אונטערצינדן מיליטערישע געבײַדעס, אויפרײַסן שלוזן, אאַ״וו.

אין זייער קאַמף האָבן אָבער די קאַמפּסגרופּעס זיך געשטעלט ספּעציפישע ייִדישע צילן. דאָס עקזעקוטירן דעם אַנטיסעמיטישן קאָלאַבאָראַטאָר קאַרעל אין ליאָן, די איבערפאַלן אויף די געבײַדעס פון די יודנראַטן אין ליאָן און מאַרסעל, און דאָס צורויבן אָדער פאַרברענען צענדליקער טויזנטער ייִדישע אַדרעסן, ראַטעווענדיק דורך דעם מאַסנווײַז ייִדישע לעבנס, דער באַוואָפנטער איבערפאַל אויפן שפּיטאָל אַנטיקאַיע כדי אָפּצוראַטעווען ייִדישע קינדער פון דעפּאָרטאַציע — דאָס זענען אַלץ אויפטוען פון די ייִדישע קאַמפּסגרופּעס, וועמענס קאַמפּגײַסט און שלאַכטפאָרמען זענען כסדר געשטיגן ביזן באַפרײַערישן אויפשטאַנד.

אין די דאָזיקע קאַמפּסגרופּן האָבן זיך געפונען צענדליקער וואַרשעווער. בראָש פון די קאַמפּסגרופּעס אין ליאָן זענען געווען אַ גרופּע־וואַרשעווער, וואָס האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט מיט מוט און מיט זייער אָנטייל אין אַלע אַקציעס פון די קאַמפּסגרופּעס.

צום גליק זענען די אַלע מוטיקע קעמפער געבליבן לעבן. צוליב אַ גאַנצער ריי סיבות האַלטן מיר נישט איצט פאַר צוועקמעסיק צו פאַרעפנטלעכן זייערע נעמען. עס איז אָבער אַ פאַקט אַז נאָך דער באַפרײַונג, צוריקקומענדיק צו זייער ציווילן לעבן, זענען זיי געבליבן שטאָלץ מיט זייער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט און זענען דאַנקבאַר דער „אוניאָן", וועלכע האָט זיי געוויזן דעם איינציקן ריכטיקן וועג פון באַוואָפנטן קאַמף קעגן נאַצי־אָקופּאַנט.

אָט אַזוי טרעפן מיר וואַרשעווער מענער, פרויען און יוגנט אויף אָפּשניטן פונעם ווידערשטאַנד־קאַמף. דאָס בילד וועט אָבער נישט זײַן גאַנץ אויב מיר וועלן נישט רעדן וועגן אָפּקלאַנג אין פראַנקרײַך פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

די אויסווירקונג פונעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד אין פראַנקרײַך

אָנהייב מײַ 1943 זענען פון מאָסקווער ראַדיאָ אויפגעכאַפּט געוואָרן די ערשטע ידיעות פון וואַרשעווער אויפשטאַנד. די צענטראַלע אָנפירונג פון דער ייִדישער רעזיסטאַנס האָט אָפּגעהאַלטן אַ צווייטאָגיקע קאָנפערענץ אין פּאַריז, אויף וועלכער עס זענען געווען דעלעגאַטן סײַ פון דער צפון־זאָנע און סײַ פון דער דרום־זאָנע.

די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס האָבן גלײַך פאַרשטאַנען אַז דער געטאָ־אויפשטאַנד איז אַן אויסערגעוויינלעך געשעעניש און זיי האָבן טאַקע גלײַך אָנגענומען באַשלוסן צו אַנטוויקלען אַ ברייטע קאָמפּאַניע צו: 1) פּאָפּולאַריזירן דעם אויפשטאַנד דורך דער פּרעסע. 2) רעקרוטירן מאַסנווײַז נײַע קעמפער אין די פּאַרטיזאַנען־רייען, אונטערן צייכן פון געטאָ־אויפשטאַנד. 3) אָרגאַניזירן בײַ די סינדיקאַלע גרופּעס דאָס אָפּשטעלן די אַרבעט, פון אַ האַלבער שעה ביז אַ האַלבן טאָג — לויט די מעגלעכקייטן, גלײַכצײַטיק זאָל אַ רעדנער נעמען אַ וואָרט וועגן געטאָ־אויפשטאַנד. 4) אָרגאַניזירן קליינע שטוב־פאַרזאַמלונגען פון 4 ביז 15 מאַן צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג, ווי ס'איז דעמאָלט געוואָרן אײַנגעפירט דורך דער רעזיסטאַנס. 5) דורכפירן סאַבאָטאַזש־ און קאַמפּסאַקציעס אונטערן צייכן פון געטאָ־אויפשטאַנד.

די דאָזיקע באַשלוסן האָבן מיטן גאַנג פון די געשעענישן אַלץ מער אָנגענומען אַ זייער וויכטיקן באַדײַט. וואָס מער עס זענען אָנגעקומען קלאָרע ידיעות, אַלץ מער האָט זיך אויסגעטיילט די גראַנדיעזקייט פון די שלאַכטן אין די אײַנגעשלאָסענע געטאָ־מויערן פון וואַרשע.

די אומלעגאַלע פּרעסע איז געדרוקט און פאַרשפּרייט געוואָרן, אויף ייִדיש און פראַנצויזיש, אין פיל הונדערטער טויזנטער עקזעמפּלאַרן. אַחוץ די ייִדן האָבן וועגן געטאָ־אויפשטאַנד געשריבן די פראַנצויזישע רעזיסטאַנס־אויסגאַבעס און גאָר באַזונדערס „זש'אַקוז" און „פראַטערניטע", אָרגאַנען פון דער „נאַציאָנאַלער באַוועגונג קעגן ראַסיזם", און „לאַ ווי אָוּוריער", אָרגאַן פון דער פילמיליאָניקער „סעזשעטע" (סינדיקאַטן־קאָנפעדעראַציע). אַ דאַנק דער גרויסער פּראָפּאַגאַנדע אַרבעט זענען די העלדישע מעשים פון די וואַרשעווער אויפשטענדלער געוואָרן באַקאַנט די ברייטסטע ייִדישע און פראַנצויזישע פאָלקסמאַסן.

די ייִדישע קאָמוניסטן האָבן וועגן דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד אַנטוויקלט אַ קאָלאָסאַלע אָרגאַניזיר־ און פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט. שטעלנדיק דאָס דאָזיקע געשעעניש אין דער גאַנצער ליכט אויפן פאָן פון דער פּאָליטישער לאַגע און סטראַטעגישער ירידה פון היטלעריזם נאָך סטאַלינגראַד, האָבן זיי אין איינעם פון די אויפרופן געמאַכט דעם ווײַטערדיקן אויספיר:

„די ייִדישע קאָמוניסטן אין פראַנקרײַך, פון וועלכע צענדליקער זענען געפאַלן אין באַוואָפנטן קאַמף קעגן בלוט־שונא פון אונדזער פאָלק, ווענדן זיך אין דער הײַנטיקער גרויזאַמער שעה צו אַלע ייִדן אָן אונטערשיד פון זייער פּאָליטישער אָנגעהעריקייט, אָן אונטערשיד פון זייער סאָציאַלן שטאַנד, גלייביקע און נישט־גלייביקע, אײַנגעוואַנדערטע און אײַנגעבוירענע, מיטן רוף:

> לאָמיר זיך פאַראייניקן, לאָמיר אויפשטעלן אַ באַוואָפנטן כוח וואָס זאָל ענטפערן מיט קריג אויף קריג, לאָמיר געמיינזאַם וועקן דעם גײַסט פון נקמה און קאַמף אין די ייִדישע מאַסן, לאָמיר דערקלערן די מאָביליזאַציע פון אַלע ייִדן צום הייליקן קאַמף, פאַרן נאַציאָנאַלן קיום, פאַר ראַטעווען אונדזער יוגנט, אונדזערע פרויען און קינדער. ייִדן שטייט אויף צום באַוואָפנטן קאַמף, היטלערס סוף איז נאָענט, דער זיג פון אַלע אונטערדריקטע קומט אָן, דאָס ייִדישע פאָלק וועט לעבן".

אין זעלבן גײַסט האָבן געשריבן די אַלע אויבן דערמאָנטע אומלעגאַלע פּובליקאַציעס פון דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג.

עס איז אָבער וויכטיק אונטערצושטרײַכן די גרויסע אָרגאַניזיר־אַרבעט און די גרויסע רעזולטאַטן.

דעם 14טן יוני זענען אין פּאַריז גערופן געוואָרן אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען אין פּריוואַטע הײַזער און אין די פאַבריקן גופא. אַזעלכע בליצמיטינגען זענען פאָרגעקומען אין אַ פאַבריק פון 800 אַרבעטער און אויך אין צענדליקער קלענערע אַטעליעס פון 20 אַרבעטער.

אין אַ גאַנצער ריי וואַרשטאַטן און פאַבריקן זענען דורכגעפירט געוואָרן סאַבאָטאַזש־אַקטן, ווו פעקלעך מיט קאַנאַדישע פעלצלעך זענען באַגאָסן געוואָרן מיט זאַלצזײַערס אָדער שוועבלזײַערס (וויטריאָל).

די ייִדישע פּאַרטיזאַנען האָבן אונטער דער לאָזונג: „נקמה פאַר אונדזערע ברידער אין וואַרשעווער געטאָ", דורכגעפירט וויכטיקע אַקציעס, פון וועלכע איינע האָט געהאַט אַ גאָר שטאַרקן אָפּקלאַנג. דאָס איז דער אָנפאַל אויף אַ דײַטשער מאַרשירנדיקער מיליטערישער איינהייט אויף רי קורסעל.

אין דער דרום־זאָנע איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ חודש פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. יעדן טאָג פון דעם דאָזיקן חודש איז אין יעדן איינעם פון די 5 סעקטאָרן און אין יעדער שטאָט, דורכגעפירט געוואָרן אַן אַקציע, ווי: אונטערצינדן אַן אויטאָ, אויפרײַסן אַ טראַנספאָרמאַטאָר און ענלעכס. אין ליאָן האָט דעמאָלט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם דער איבערפאַל פון ייִדישע פּאַרטיזאַנען אויף אַ דײַטשער קאַזאַרמע, וואָס האָט פאַראורזאַכט פיל טויטע און פאַרוווּנדעטע נאַציס.

צענדליקער ייִדן פון די קאַמפסגרופּעס זענען אַוועק צו די פּאַרטיזאַנען און „מאַקיס" אין די וועלדער און אויף די בערג.

די קאַמפסגרופּעס גופא האָבן רעקרוטירט פיל נײַע חברים און דער קאַמף פון די גרופּעס איז אַריבער אויף אַ העכערער מדרגה.

מיר וועלן דאָ נאָך בלויז דערמאָנען די באַוווּסטע נעמען פון דרײַ וואַרשעווער ייִדישע העלדן: ד"ר דיבואַ, מאיר מלעטשאַק און זשאַק קראַמקימעל. דער ערשטער איז אומגעקומען אויף די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע און די צוויי לעצטע — אין די פרײַהייטס־קאַמפן פון די „מאַקים".

דער אַלגעמיין באַקאַנטער דאָקטאָר דיבואַ, שעפדאָקטאָר פון דער 35טער דיוויזיע אין דער שפּאַנישער רעפּובליקאַנער אַרמיי, איז נישט קיין אַנדערער ווי דער ייִדישער דאָקטאָר א. דאָמאַנסקי, געבוירן דעם 2טן מאַרץ 1902 אין וואַרשע. ער איז געפאַלן אויף זײַן קאַמפּספּאָסטן דעם 25טן אויגוסט 1937, אויפן פראָנט פון אַראַגאָן.

דעם 10טן מײַ 1944, נאָך דער באַפרײַונג, האָבן 100 מענטשן אויפן בית־עולם אין וויניאַל, לעבן לימאָזש, באַגלייט צו זײַן אייביקער רו אַ העלדישן קעמפער פונעם מאַקי, וועמענס נאָמען איז געווען אומבאַקאַנט. ער איז געפאַלן אין אַן אומגלײַכן קאַמף מיט אַ דײַטשער קאָלאָנע דעם 8טן אַפּריל 1944. נאָך לאַנגע זוכונגען פון די חברים, צוזאַמען מיט די מאַכטאָרגאַנען פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק, איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז דער אומבאַקאַנטער איז נישט קיין אַנדערער ווי מאיר מלעטשאַק, געבוירן דעם 10טן מײַ 1923 אין וואַרשע. עס איז פעסטגעשטעלט אַ גאַנצע ריי העלדן־מעשים פון דעם יונגן פּאַרטיזאַן, ווי אויך אַז זײַן גאַנצע פאַמיליע איז דעפּאָרטירט געוואָרן פון פּאַריז דעם 16טן יולי 1942.

זשאַק קראַמקימעל, געבוירן דעם 15טן יולי 1923, אין וואַרשע, אַ סטודענט אין טולוז, טרעט אַרײַן אין די פּאַרטיזאַנען, אין יוני 1943. ער פאַרנעמט גלײַך אַן אָנפירנדיקן פּאָסטן. ער האָט דורכגעפירט מיט אַ גרופּע דאָס צעשטערן 18 לאָקאָמאָטיוון אויפן וואָקזאַל מאַטאַביאַ און אַטאַקירט מיט אַ האַנטגראַנאַט אַ טראַמוויי מיט דײַטשן פאַראורזאַכנדיק פיל טויטע און פאַרוווּנדעטע.

אין ליאָן באַטייליקט זיך זשאַק,זינט 1944, אין צאָלרײַכע אַקציעס, צווישן זיי דאָס פאַרניכטן 37 לאַסטאויטאָס.

אַרעסטירט בײַם דורכפירן אַ געפערלעכע מיסיע, איז ער דעפּאָרטירט געוואָרן עטלעכע טעג פאַרן באַפרײַעריש אויפשטאַנד און דערמאָרדעט געוואָרן אין אוישוויץ.

אַלע פּראָגרעסיווע ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציעס, וועמענס אַרבעט איז געווען קאָאָרדינירט אויף אַ נישט־גענוגנדיקן אופן, האָבן צוזאַמען געגרינדעט דעם „פאַרבאַנד פאַר ווידערשטאַנד און קעגנזײַטיקער הילף" („אוניאָן").

עס איז אויך געלונגען צו רעאַליזירן די אייניקייט פון אַלע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס פון די אײַנגעוואַנדערטע.

ווי מיר זעען, האָבן די שיסערײַען, שרפות און אויפרײַסן צווישן די געטאָווענט הויך אָפּגעקלונגען אין די הערצער פון די ייִדן אין פראַנקרײַך, ווי אַ באַווייז פון דער וויטאַליטעט און קאַמפספעיִקייט פון באַליידיקטן און געפּײַניקטן ייִד.

גרויס זענען די צאָל וואַרשעווער אין פראַנקרײַך וואָס זענען פאַרפּײַניקט געוואָרן מיט אַ מאַרטירער־טויט. גרויס איז דער בײַשטײַער פון די וואַרשעווער אינעם העראָישן קאַמף קעגן נאַצישער באַרבאַריע.

זאָלן די דאָזיקע וואַרשעווער אין פראַנקרײַך, וועלכע מיר דערמאָנען דאָ, דינען ווי אַ סימבאָל פאַר אַלע אומבאַקאַנטע דערמאָרדעטע, פאַרפּײַניקטע, פאַרגאַזטע, פאַרוואַנדלטע אין אַש, דערשאָסענע, גיליאָטינירטע, וועמענס גײַסט לעבט צווישן אונדז און דערמוטיקט אונדז פאָרצוזעצן זייער קאַמף, כדי אויסצומײַדן דעם צוריקקער פון אַן ענלעכער בלוטיקער עפּאָכע.

* * *

ביבליאָגראַפיע און קוועלן

1. „באַטווין" — פראָנטצײַטונג פון דער ייִדישער קאָמפּאַניע א"נ פון נאַפּטאַלע באָטווין (1937—1938).

2. ט. עלסקי — אויף די פראָנטן פון שפּאַניע־פּאַריז 1938.

3.
Alfred Cantorovitz
Tchapaev, Das Batallon der 21 Nation, 1937

4.
Estella - Nuestros Hermanos los Internacionales,
Madrid 1937

5.
Quelques Récits de nos Combats. París 1937

6. „אויפגאַנג" — חודש־זשורנאַל אַרויסגעגעבן דורך דער

יוגנט אָפּטײלונג בײַם צ״ק פון די ייִדן אין פּוילן נומער 5—6 1947.

7. קאָלעקציע פון ″נײַע פרעסע″, פּאַריז 1936—1938.

8. דוויד דיאַמאַנט — די עפּאָפּייע פון דער באָטווין־קאָמפּאַניע אויף די שפּאַנישע שלאַכטפעלדער —

גבית - עדות (אין מאַנוסקריפּט)

9. כילעק שראַגאַ — געוועזענער קעמפער אין שפּאַניע.

10. איגנאַץ פּאָטאַשמאַן — געוועזענער קעמפער אין שפּאַניע.

11. פרוי באַסאָוו, שוועסטער פון אָלעק גוס.

12. אהרן דײַטשער — געוועזענער דאָמבראָווסקי־קעמפער.

13. אַברהם ליסנער — געוועזענער באָטווין־קעמפער און מיטגרינדער פון דער ערשטער ייִדישער פּאַרטיזאַנען־אָפּטײלונג אין פראַנקרײַך.

14. „אין קאַמף פאַר פרײַהייט״ פאַרלאַג „אויפסנײַ״ פּאַריז 1946.

15. „די לעצטע בריוו פון אונדזערע דערשאָסענע העלדן״ פאַרעפנטלעכט דורך דוויד דיאַמאַנט מיט ביאָגראַפיעס און אַן אַרײַנפיר. אין „נײַע פרעסע״ פעברואַר־אַפּריל 1950.

16. (רומפּולע בלעטער פון 23 העלדן)
David Diamant, Pages de Gloire des Vingt Trois, París 1950

17. „דאָס וואָרט פון ווידערשטאַנד און זיג״ פאַרלאַג „אויפסנײַ״ 1948, אויסגאַבע פון דאָקומענטאַציע־צענטער בײַ דער „אוניאָן״.

18. י. קאָרמאַן: מיט געראַטעוועטע קעמפער פון געטאָ — אין „אויפסנײַ״ אַפּריל 1948.

19. גבית־עדות זשאַק ראַווין, געוו׳ סעקרעטאַר פון דער אומלעגאַלער „אוניאָן״ — דרום־זאָנע.

20. גבית־עדות לייבל גאָרדאָן — סעקרעטאַריאַט־מיטגליד פון דער דרום־זאָנע.

21. גבית־עדות ייִדל קאָרמאַן — סעקרעטאַר פון דער ייִדישער רעזיסטאַנס־באַוועגונג, צפון־זאָנע.

III.

- ליטעראטור
- טעאַטער
- מוזיק
- מאָלעריי
- פאָלקלאָר

צאַלעל בליץ (בוענאָס־איַירעס)

50 וואַרשעווער יאָרן אינעם לעבן פון דער יידישער ליטעראַטור

די יידישע וואַרשע ווערט אַ מעטראָפאָליע

ווארשע, וואָס איר געשיכטע שפרייט זיך אויס אויף א צייַט־אָפשניט פון אַן ערך 600 יאָר, האָט זיך אָנגעהויבן אויסצוקריסטאַליזירן ווי די גרויסע מעטראָפאָליע פון יִדישן פוילן אין לעצטן פערטל פון 19טן יאָרהונדערט.

זי האָט באַקומען סימנים פון אַ באַווירקנדיקן הויפטשטאָטישן צענטער נישט נאָר צוליב איר שטאַרק אויסגעוואַקסענער יִדישער באַפעלקערונג און נישט נאָר צוליב איר שטייַגנדיקער עקאָנאָמישער און גייַסטיקער השפעה, נאָר אויך צוליבן כאַראַקטער פון דער נייַער, טראַנסצעדענטאַלער צייַט. די נייַע היסטאָרישע תקופה, מיט איר טעכנאָלאָגישן גלאַנץ, סאָציאַל־עקאָנאָמישער דינאַמיק, פאַרשאַרפטע קלאַסן־דיפערענצירונגען און נאַציאָנאַלע אויפברויזן, האָט גענומען אַרויסרייַסן דאָס יִדישע לעבן פון אָפגעשלאָסענעם, קליינשטעטלדיקן אָן־אַ־זייַט און גענומען דערנענטערן עס אַלץ מער און מער צום אַלגעמיינעם פאָדערגרונט, צו די שיידוועגן פון דער מאָדערנער געשיכטע.

די וואַקסנדיקע קאַפיטאַליסטישע עקספלואַטאַציע האָט אַרויסגערופן אַ וווּקס פון סאָציאַלן באַוווּסטזייַן, און דער דרוק פון צאַרישן אימפעריאַליזם האָט אַרויסגערופן אַ קעגנדרוק פון נאַציאָנאַלע שטימונגען, אַזוי בייַ פאָליאַקן ווי בייַ יִדן. די יִדן האָבן אָבער געדאַרפט אויסהאַלטן נישט נאָר דעם אָנפאַל פון דער צאַרישער יִדנפאָביע, נאָר אויך די אַקטיווע שינאה פון אייַנגעגעסענעם פוילישן אַנטיסעמיטיזם, נישט געקוקט אויף דעם וואָס דאָס פוילישע יִדנטום, און ספעציעל די יִדישע וואַרשע, האָט דאַן שוין געקענט אָנווייַזן אויף 100 יאָר יִדישער איבערגעגעבנקייט און פאַטריאָטישער ליבע צו פוילן.

די יִדישע וואַרשע האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די פוילישע אויפשטאַנדן פון די יאָרן 1794, 1830 און 1863, און האָט געהאַט קאַרדינאַלע פאַרדינסטן פאַר דער פוילישער קולטור. די טראַדיציע פון נאַציאָנאַלער פוילישער ראָמאַנטיק און פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף „פאַר אייַער און אונדזער פרייַהייט” האָט טיף געלעבט אין פוילישן און ספעציעל אין וואַרשעווער יִדנטום, וואָס האָט זיך, אין לויף פון דער געשיכטע, מיטבאַטייליקט און אויסגעצייכנט אין אַלע פאַרצווייפלטע קריגספאַרמעסטן פון אומגליקלעכן פוילן. די דאָזיקע לאַנגיאָריקע טראַדיציע פון יִדישן קאַמף פאַר אַ פרייַ פוילן האָט אויך אָפגעהילכט אין יאָר 1905, אין די לאָזונגען פון געטאָ־אויפשטאַנד און די שלאַכט־פאָסטולאַטן פון די נייַ־פוילישע דיוויזיעס וואָס האָבן אין יאָר 1944 באַפרייַט דאָס האַלבדערשטיקטע לאַנד.

אין לעצטן פערטל פון 19טן יאָרהונדערט האָט נאָך די השכלה געמאַכט אירע לעצטע פרווון צו ווערן די אויפקלערערישע רענעסאַנס־באַוועגונג אויף דער יִדישער גאַס, אָבער אירע שטייַפע און פאַלשע מעטאָדן האָבן זי דערפירט צום פולשטענדיקן באַנקראָט און צום שפעטערדיקן קאַפיטולירן פון דער אַסימילאַציע. אין לעצטן יאָרצענדליק האָט זיך געגעבן אַ באַוועג דאָס פאָלק אַליין און עס זענען אַנטשטאַנען די ערשטע סאָציאַלע און פאַרטיי־פאָליטישע ריכטונגען. דער „זשאַרגאָן”, וואָס האָט מיט גרויס פלייַס גענומען זיך לערנען צו ווערן דער אינסטרומענט פון קולטור־דערהייבונג פון די יִדישע פאָלקסמאַסן, האָט גאָר שנעל אויפגעהערט צו שטאַמלען און גענומען רעדן יִדיש...

אין אָט דער אַטמאָספער פון יונגן געזעלשאַפטלעכן אויפגעצאַפל, אויפן פאָן פון גייַסטיקע און עקאָנאָמישע גרונטפראָבלעמען, און פנים אל פנים מיט גרויסע סאָציאַלע פערספעקטיוון, האָט זיך אין וואַרשע גענומען אויספיקן, מיט אימפעטפולער האָפערדיקייט, דער ערשטער יִדיש־פוילישער שפראָץ פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור.

1888 — דאָס ערשטע ליטעראַרישע יאָר.

אין יאָר 1888 האָט מרדכי ספעקטאָר אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין וואַרשע, אויף אַ פיאָנערישן און מסירת־נפשדיקן אופן, זייַן צייַטשריפט „הויז פרייַנד”, וואָס איז געווען דער ערשטער יִדישער מוסטער פון אַ מאָדערנעם זשורנאַל, אַנטאָלאָגיע און זאַמלבוך. אין זעלבן יאָר האָט זיך אין וואַרשע באַזעצט דעפיניטיוו י. ל. פרץ.

דאָס יאָר 1888 קען דעריבער באַטראַכט ווערן ווי דער קאָנקרעטער אָנהייב פון דער מאָדערנער יִדישער ליטעראַטור אין וואַרשע און אויך ווי דאָס געבורטיאָר פון דער פרץ־תקופה, — פון דער לפי־ערך 25יאָריקער מוטער־תקופה פון דער יִדישער ליטעראַטור אין פוילן און פון דער גאַנצער נייַ־יִדישער ליטעראַטור אין אַלגעמיין.

צוזאַמען מיט דער יִדישער ליטעראַטור וואָס מען האָט געדאַרפט באַשאַפן, האָט מען אויך געדאַרפט שאַפן דעם לייענער. דער פאָלקס־לייענער איז געווען דערצויגן אויף שאָמערן, אויף די מיטל־עלטערלעכע ראָמאַנען פון אליהו בחורס שניט, אויף בדחנישע פערזן, אויף וווּנדער־מעשיות פון אָריענטאַלישן פאָלקלאָר און אויף מוסר־געשיכטעס פון אַלט־יִדישן „מעשה־בוך”. הינטער אַ וואַנט פון רעליגיעזע ספרים איז געווען פאַרשטעקט אַ צווייטער סאָרט לייענער; און אַ דריטער סאָרט, — דער אינטעליגענטיש־נאַציאָנאַ־

ליסטישער — האָט געהאַלטן אַז ייִדישע ליטעראַטור קען גאָר נישט געמאָלט זײַן אויף קיין אַנדער שפּראַך ווי אויף העברעיִש.

פון דער צווייטער זײַט, האָבן די אַסימילאַטאָרישע השכלה־לײַט, וואָס האָבן געוואָרפן אַן אויג אויף פּויליש, געזוכט אַ וועג צום פּאָלק מיט זייערע „פּראָדוקטיווע” און „בילדונג”־אידעען. ווי פּריקרע עס איז זיי נישט געווען דער „זשאַרגאָן”, האָבן זיי מיט זייער פּראַקטישן חוש דערשפּירט אַז ס'איז קיין אַנדער ברירה נישטאָ ווי באַנוצן די דאָזיקע „נישט־ריינע” כלי, נישט ווי אַ ליטעראַרישע שפּראַך חלילה, נאָר ווי אַ צײַטווײַליקע קליפּה, וואָס וועט שפּעטער אַרויסגעוואָרפן ווערן ווי שאָלעכץ און ווי אָפּפאַל.

די שעפערס פון דער נײַ־ייִדישער ליטעראַטור און די אַסימילאַטאָרישע קולטור־פילאַנטראָפּן זענען אַזוי אַרום פון פאַרשידענע ריכטונגען צוגעקומען צו איין און דעם זעלבן פּאָלקסקוואַל — צו ייִדיש. און נישט נאָר זענען זיי צוגעקומען צו איין קוואַל, נאָר זיי האָבן זיך אפילו פון אָנהייב פאַראייניקט ווי שותפים פון איין און דער זעלבער אַרבעט, וואָס האָט פאַר יעדן איינעם פון די צדדים געהאַט אַ באַזונדערע באַדײַטונג.

די פּאָטערס פון דער נײַער ליטעראַטור האָבן געוואָלט אויספאָרמירן אַ נײַעם טיפּ ייִדיש־לייענער, און די משכיליש־אַסימילאַטאָרישע פּאָזיטיוויסטן האָבן געוואָלט פּראָפּאַגאַנדירן זייערע אידעען פון האַנטווערקערײַ און פאַרשפּרייטן עלעמענטאַרע וויסנשאַפט. ביידע צילן האָט מען געקענט שנעלער דערגרייכן בלויז דורך פּאָפּולערע צײַטשריפטן אויף ייִדיש, און מיט דעם דערקלערט זיך טאַקע וואָס די ערשטע זאַמלביכער פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור אין וואַרשע זענען סובסידירט געוואָרן דורך די מעצענאַטן פון דער אַסימילאַטאָרישער בורזשואַזיע, וואָס האָט, פאַרשטייט זיך, געפּרוּווט אַרויפלייגן איר משכילישן שטעמפּל אויף די פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן.

למען האמת דאַרף מען פעסטשטעלן אַז גאָר פון אָנהייב האָט פּרץ, אין קעגנזאַץ צו ספּעקטאָרן, געהאַט ווייניק אמונה אינעם ליטעראַריש־אינטעלעקטועלן געוויכט פון ייִדיש, ווי מען קען עס קלאָר אַרויסדרינגען פון זײַנעם אַ בריוו (1891) צום שרײַבער יכנה"ז, אָבער ווי נאָר ער האָט זיך אינטימער און שפּעפּרישער אַרײַנגעלעבט אין ייִדיש, האָט ער דערפילט דעם אייגנאַרטיקן טעם און אַלע זיבן חנען פון אונדזער פּאָלקסשפּראַך. אין די גרענעצן פון זײַן גרויסער העברעיִש־פּויליש־רוסיש־דײַטשער קולטור, איז ייִדיש נישט נאָר גלײַך־באַרעכטיקט געוואָרן, נאָר פאַרנומען דאָס סאַמע ערשטע און מזרחדיקסטע אָרט.

צוליבן מערקווערדיקן היסטאָרישן צוזאַמענטרעף צווישן אַסימילאַטאָרישן משכיליזם און די אָנהייבן פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, זענען טאַקע ספּעקטאָרס „הויז פרײַנד” און פּרצס „אידישע ביבליאָטעק” אויסגעהאַלטן געוואָרן דורכן פּאָלאָניזירטן מעצענאַטנטום, אָבער דער דאָזיקער אומנאַטירלעכער שידוך האָט לאַנג נישט געקענט אָנהאַלטן.

די אַסימילאַטאָרן האָבן זיך שנעל אַרומגעזען אַז אייגנטלעך פירט מען זיי אין באָד אַרײַן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור פון די זאַמלביכער קליגלט זיי איבער און אַז פון אַ פּשוטן געהילף־אינסטרומענט ווערט דאָרט דער „זשאַרגאָן” פאַרוואַנדלט אין אַ זאַך פאַר זיך, אין אַ זעלבשטענדיקן ענין.

ווען זיי האָבן דערזען ווי די שפּראַך „פון בערל און שמערל” ווערט אין די הענט פון פּרצן און ספּעקטאָרן פאַרוואַנדלט אין עפּעס רעכטס און ווען זיי האָבן דערשפּירט דעם הויך־קוואַליטאַטיוון, ייִדיש־בעלעטריסטישן ריח פון די סובסידירטע צײַטשריפטן, זענען זיי ממש פאַרציטערט געוואָרן און גענומען ליאַרעמען און פּראָטעסטירן אין זייערע פּוילישע צײַטשריפטן.

אין שײַכות מיט ספּעקטאָרס „הויז פרײַנד” האָבן זיי געשריבן אַז די ייִדישע ליטעראַטור וואָס וואַקסט אַרויס פונעם „זשאַרגאָן” איז אַ „רעאַקציאָנערע דערשײַנונג”... זיי האָבן געהאַט טענות צו פּרצן אַז די ווערק וואָס ער פאַרעפנטלעכט אין דער „אידישער ביבליאָטעק” זענען „צו פיל קינסטלעריש”, אַז ער דערלויבט זיך צו „פאַראייביקן די ייִדישע ליטעראַטור” און אַז ער וויל דורך דעם „פאַראייביקן דעם זשאַרגאָן”...

פּרצעס לינקע ליבע צו אַן אָנשטענדיקן ייִדיש און צו אָנשטענדיקער ליטעראַטור האָט דערפירט צו דעם אַז די מעצענאַטישע הילף איז אויסגערונען גלײַך נאָכן צווייטן נומער „אידישע ביבליאָטעק”.

ביידע ערשטע, פּיאָנערישע אָרגאַנען פון וואַרשעווער ליטעראַרישן צײַטשריפט־וועזן זענען, בסך־הכל, דערשינען 8 מאָל: 5 — דער „הויז פרײַנד” און 3 — די „אידישע ביבליאָטעק”.

דער ערשטער פּעריאָד פון דער פּרץ־תקופה.

דער ערשטער פּרץ־פּעריאָד, וואָס נעמט אַרום די נײַנציקער יאָרן, האָט זיך אויסגעצייכנט נישט נאָר מיט ליטעראַרישער און שפּראַכיקער פּיאָנערישקייט, נאָר אויך מיט דער דרײַסטער סאָציאַלער אַוואַנגאַרדישקייט פון דער פּרץ־אידעע, וואָס האָט געמאַכט פרילינגדיקער דעם געזעלשאַפטלעכן קלימאַט פון דער ייִדישער וואַרשע, און נישט נאָר פון וואַרשע.

אין דער מאָס ווי פּרץ האָט זיך דערווײַטערט פון די אַסימילאַטאָרישע בעלי־טובות און דערנענטערט זיך צו דער אויפוואַכנדיקער אַרבעטערשאַפט, האָבן זיך אַלץ מער און מער פונאַנדערגעבונדן אין אים זײַנע וווּלקאַנישע געפילן און געדאַנקען.

דער איבערגאַנג איז נישט געווען קיין צו שנעלער. נאָך די שוועריקייטן מיט זײַן „ביבליאָטעק”, האָט זיך פּרץ אַ פּאָר יאָר אַרומגעטראָגן מיט געדריקטע שטימונגען און האָט אפילו ערנסט געטראַכט צו עמיגרירן, צוזאַמען מיט זײַן ליטעראַרישן אַדיוטאַנט דינעזאָנען, קיין אַרגענטינע, וואָס אונטער איר ייִדישן צוקאָפּנס איז דאַן אַוועקגעלייגט געוואָרן דער שם־טוב פון אַגראַרער קאָלאָניזאַציע. ער האָט געפּרוּווט מיטאַרבעטן אין העברעיִשן בלאַט „הצפירה”, אָבער ער האָט דאָרט געליטן אַזוי פיל שפיכת־דמים אַז ער האָט זיך נישט געוואַקלט אָנצורופן די דאָזיקע צײַטונג „זונה” און איר רעדאַקטאָר, ח. ז. סלאָנימסקין, „נאַרישער הונט”.

סוף־כל־סוף האָט ער דערזען זײַן באַשערטע — די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט און פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער סטודענטשאַפט. מיט דער הילף פון זײַנע נײַע פרײַנד און דער עיקר פון זײַן אייגענער אָנשטרענגונג, האָט ער געשאַפן די זאַמלביכער „ליטעראַטור און לעבן”, „החץ” (האַכייץ — די פײַל) און די פּעריאָדישע אויסגאַבע „יום־טוב־בלעטלעך”, וואָס האָט היסטאָרישע פאַרדינסטן פאַרן ייִדישן סאָציאַליזם און פאַר דער ייִדישער קאַמפּס־ליטעראַטור.

די יום־טובדיקייט פון דער דאָזיקער צײַטשריפט, וואָס פּרץ האָט אַרויסגעגעבן צווישן די יאָרן 1894 און 1896, איז געווען נישט מער ווי אַ מאַסקע פאַר דער צאַרישער צענזור, אָבער פאַר דעם אַרבעטער איז די צײַטשריפט געווען אַן אמתער יום־טוב, און אין דעם זינען איז דער נאָמען גאָרנישט אַזוי קאָמופלירט און פאַרשטעלט...

דער דאָזיקער אָרגאַן, וואָס איז כלומרשט דערשינען לכבוד די ייִדישע רעליגיעזע יום־טובים, איז אין דער אמתן געווען אַ טריבונע פון שאַרפסטן אַנטיקלעריקאַליזם און פון אַנטיבורזשואַזער אָנגרײַפערישקייט. זי האָט אָבער אַטאַקירט נישט נאָר די ייִדיש־פּראָמאַקישע היפּאָקריטישקייט און די עקספּלואַטאַטאָרן פון די האָרעפּאַשנע מאַסן, נאָר אויך דעם אייראָפּעיִשן קאַפּיטאַליזם און דעם גאַנצן אײַנגעשטעלטן סדר.

אָט ווי פּרץ דריקט זיך אויס וועגן דער דעמאָלטיקער בורזשואַזער אייראָפּע (מיט 60 יאָר צוריק, אין צאַרישן רוסלאַנד!): „אַן אַלטע חצופה, גרוי, — נאָר נישט אַזוי אין יאָרן, ווי אין הולטײַסטווע... דער פּאַפּירענער ליבעראַליזם איז אַדורך גאַנץ אייראָפּע ווי אַ זאַראַזע: פרײַהייט הייסט דאָס רעכט צו מאַכן זיך מיט די עלנבויגנס אַן אָרט בײַם טיש; וואַלן הייסט קויפן שטימען פאַר געלט און בראָנפן; פּאַרלאַמענטן זענען בערזעס, ווו פּאַרטייען שווינדלען מיט פּאָליטישע פּאַפּירן, ווו די דעפּוטירטע פאַרקויפן איינער דעם צווייטן די געקויפטע שטימען; די „פרײַע פּרעסע" — דער שטאָלץ פונעם 19טן יאָרהונדערט, איז אַ רינשטאָק פון בלאָף און שאַנטאַזש"...

און אָט איז דער סוף, וואָס פּרץ זעט פאָר: „די אַלטע סיסטעם פּלאַצט, און איבערן מזבח פון בלוט און שוויים הייבט זיך אויף די האַק... די האַק לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער און נידערירקער, און דער מזבח וועט הײַנט־מאָרגן צעשפּרונגען ווערן אין דער לופטן...

די ייִדישע אַרבעטערשאַפט האָט אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם דאָס פּרצישע פונקענוואָרט. אָט וואָס אַ. ליטוואַק שרײַבט וועגן דעם: „ווען איך האָב עס (פּרצעס ווערק) פאָרגעלייענט פאַר אַרבעטער, האָב איך זיי נישט געדאַרפט פאַרטײַטשן וואָס מיינט פּרץ. בײַ אַלעמען האָבן זיך באַוויזן פײַערלעך אין די אויגן, און איינער האָט מיט אַ באַגײַסטערטן שמייכל באַמערקט: אַ מענטש וואָס דערוועגט זיך אַזוי צו שרײַבן האָט שוין גאָר קיין מורא נישט („רויטער פּנקס" זז' 115-116).

י. ל. פּרץ

פון דער אַנדער זײַט, אַזוי ווי פּרץ „האָט שוין גאָר קיין מורא נישט געהאַט", האָט דאָס אויפגערודערטע תקיפותדיקע געזינדל אויפגעהויבן קעגן אים אַ מוסרישע קעגן־אָפּענסיווע אויף 3 פראָנטן: אין פּעטערבורג, אין וואַרשע און אין ווילנע.

די פּעטערבורגער ייִדישע לאָקײַען פון צאַריזם האָבן געשאָסן אויף פּרצן מיט זייער מסירה־אַרטילעריע פון זייער אָרגאַן, דעם „המליץ“. אָט וואָס איז דאָרט, אין אַ לייטאַרטיקל, געדרשנט געוואָרן וועגן פּרצעס אויסגאַבעס:

„ס'איז איצט געוואָרן אַ נײַע צרה אין דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור: אַ מאַסע קליינע ביכעלעך פול מיט גיפט, וואָס זייער גאַנצע קראַפט איז נאָר אין שענדן דאָס ייִדנטום, זײַנע רבנים, זײַנע געלערנטע, זײַנע שרײַבער... אַרײַנוואַרפן שינאה צווישן פאַרשידענע קלאַסן. לויט די רייד פון אָט די ביכלעך איז דאָס ייִדנטום גאָרנישט ווערט און די אייראָפּעיִשע ציוויליזאַציע איז נישט בעסער... אָט דאָס איז די תורה פון די ביכלעך. בײַ די שרײַבער פון אָט די ספרים איז פאַראַן אַן אַנדער ציל“... (המליץ 1894, נומ' 156).

דאָס אָנדײַטן אויף „אַן אַנדער ציל“ איז אַ קלאָרער ווונק צום קנעפּל. די ייִדישע זשאַנדאַרמישע צענזאָרן האָבן גענוי שטודירט די ייִדישע פּרעסע און מען האָט זיי נישט געדאַרפט אַרײַנלייגן אין מויל דעם טײַטש פון „אַן אַנדער ציל“. אגב, אויך אין אונדזער איצטיקער צײַט האַלט די רעאַקציע אין איין שרײַען אַז דאָס ייִדישע פּראָגרעסיווע וואָרט האָט „אַן אַנדער ציל“...

די רעאַקציע האָט דערשמעקט בײַ פּרצן דעם ריח פון רעוואָלוציע און דעריבער האָט זי, אויף אַ פּראָוואָקאַטאָרישן אופן, גענומען ווירקן אויף די מעצענאַטן פון זײַנע אויסגאַבעס, אַז זיי זאָלן זיך אָפּטרייסלען פונעם פאַרשפּרייטער פון די „שעדלעכע טעאָריעס“: „ס'איז אַ שאַנדע וואָס די ביכלעך ווערן געדרוקט אויפן חשבון פון גוטע מענטשן. מיר האָפן אַז די פילאַנטראָפּן וועלן תשובה טאָן און דעריבער וועלן מיר זיי נישט אָנרופן בײַ די נעמען“.

דער דאָזיקער נידעריקער מסירה־אולטימאַטום צו פּרצעס שטיצער ווײַזט דעם שפּיאָניש־זשאַנדאַרמישן פּרצוף פון דער ייִדישער רעאַקציע און איז אַן עדות ווי אַזוי דאָס פּרצישע וואָרט האָט צעשטערט זייער טראַדיציאָנעלע רו.

דעם זעלבן יאָר און אין זעלבן „המליץ“ (נומ' 179) האָט דער פּובליציסט אַ. זינגער געשריבן וועגן פּרצן אָט ווי אַזוי: „דער מחבר פון עטלעכע מעשיות פאַר קעכינס און דינסטן וויל מען זאָל רעדן וועגן אים, — וואָס טוט ער? ער פאַרלאָזט דעם אויוון און די פּליטע, און נעמט זיך שענדן הייליקייטן. איצט וועלן שוין אַלע קעכינס אַרויס קעגן אים מיט פּויקן און טענץ“.

און אַפילו דובנאָוו זענען נישט געפעלן פּרצעס אויסגאַבעס. אָט וואָס ער האָט דאַן געזאָגט: „פון 1888 אָן זעען מיר נישט וועלכע נישט איז לײַטישע זשורנאַלן. די פּרוּוון צו פאַרבײַטן די פאַרשוווּנדענע מיט סוראָגאַטן (די אויסגאַבעס פון הער פּרץ) האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט־געראָטן און פאַר עפּימער (קריטיקוס, „וואָסכאָד“ נומ' 6, 1894).

אין וואַרשע האָט קעגן פּרצן „געוואָיעוועט“ מיט ספּעציעלע פּאַמפלעטן און מיט די עפּושדיקסטע רינשטאָק־עפּיטעטן דער ציכטיקער, צירלעך־מאַנירלעכער קאַוואַליר דוויד פרישמאַן. אויף פּרצן און אויפן ליטעראַרישן קרײַז וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום אים האָט דער דאָזיקער לשון־קודשדיקער, אייראָפּעיִזירנדיקער שיינגײַסט געשריבן אָט וואָס: „זיי מאַכן שירים, שרײַבן ראָמאַנצעראָס, סקיצן, איבערזיכטן, קריטיק, און ווייסן גאָרנישט ווי ווײַט עס כאַפּט אָן דעם געזונטן לייענער אַ חלשות פון זייער גאַנצן באַלבען און פון זייער, מיט רעספּעקט צו מעלדן, נפּיחהנען מיטן מויל“ („לאָקשן“, זײַט 15).

אויף אייניקע פּרצעס דערציילונגען האָט דער אויסגעכאָליעטער מבין אַזוי געדרייט מיט דער נאָז: „באָנטשע שווײַג“, למשל, איז אַ שטיקל דרוש פאַר אַרבעטער־לײַט און האָט אין זיך גאָר נישט קינסטלערישעס. אַזוי איז אויך „דאָס שטרײַמל“ — אייגנטלעך נאָר אַ שלעכטער וויץ פון דער צײַט פון משכּילים־אַפּיקורסים“ („אַלע שריפטן“, ב'3, ז' 127).

וועגן פּרצעס „אידישע ביבליאָטעק“ האָט דער זעלבער איידלמענטש און פײַנשמעקער געהאַט אַזאַ מין מיינונג: „אידישע ביבליאָטעק“ — איזהו עשיר? — כל שיש לו בית־הכסא סמוך לשולחנו (ווער איז אַ גביר? דער וואָס האָט דעם אָפּטרעט נאָנט צו זײַן טיש). איצט מאַכט מען שוין דאָס אַנדערש. איצט שאַפט מען זיך אײַן די נײַע ייִדישע ביבליאָטעק און מען האָט דאָס ליגן אויפן טיש — איז מען דערמיט יוצא“ („לאָקשן“, ז' 26).

אין ווילנע האָבן זיך געוואָרפן אין קאַמף די כלי־קודשדיקע גוואַרדייער און גרענאַדירן. זיי זענען גראָד געווען פאָרגעשריטענער פון אַלעמען. אָנשטאָט צו דיסקוטירן און מסרן, האָבן זיי, אויפן פאָרשלאָג פון שטאָט־מגיד, אָנגעווענדט אַ קריגסמיטל וואָס איז אין מיטן פון 20טן י"ה פּראַקטיצירט געוואָרן אין אויפגעקלערטן כרך בוענאָס־אײַרעס — זיי האָבן אַרײַנגעלייגט אין חרם פּרצעס „יום־טוב־בלעטלעך“ און אויפגעקלעפּט וועגן דעם אַן „אזהרה גדולה“ אין שטאָטשול...

פּרצעס רעוואָלוציאָניזירנדיקע און לײַדנשאַפטלעכע קאַמפּליטעראַטור, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ אויפגערודער בײַ דער רעאַקציע, האָט אָנגעפילט מיט מוט און מיט נחת־רוח די יונגע ייִדישע אַרבעטערשאַפט. אין די געהיימע קרײַזלעך, קאָנספּיראַטיווע קוואַרטירן און הינטער־שטאָטישע וועלדער האָט פּרצעס וואָרט אַגיטירט אַ סך בעסער ווי די אומלעגאַלע פּאָליטישע ליטעראַטור, וואָס איז געווען שטאַרק רוסיפיצירט, האַמעטנע און רוי. פּרץ האָט אויסגערייניקט די דעמאָלטיקע ייִדישע פּאָליטישע שפּראַך פון אַלע רוסישע און פּוילישע זשאַרגאָניזמען און האָט איר געגעבן אַ נײַעם פאָלקסטיל, אַ נאַטירלעכן אופן פון אויסדריקן זיך.

סײַ דער גרימצאָרן פון דער רעאַקציע אין אַלע ווינקעלעך פון צאַרנלאַנד און סײַ די שימחה מיט וועלכער די אַרבעטערשאַפט האָט אויפגענומען פּרצעס וואָרט אומעטום, איז אַ באַווײַז אַז שוין אין די פריִע נײַנציקער יאָרן האָט פּרץ אָנגעהויבן צו ווערן אַ הויפּטפיגור אין ייִדישן מאַסן־לעבן.

אין יענע יאָרן האָט ער זיך נישט באַגרענעצט בלויז מיט שרײַבן, נאָר האָט אויך אָנטייל גענומען פּערזענלעך אין אומלעגאַלער אַרבעט, אין דירעקטער סאָציאַליסטישער אויפקלערונג פאַר באַגרענעצטע, אויסבאַהאַלטענע אוידיטאָריעס. 3 חדשים תפיסה, אין יאָר 1899, איז געווען — די צאַרישע אָנערקענונג פאַר זײַן אַריבערכאַפּן די מאָס...

קיין מאַרקסיסטישן דרך האָט ער נאָך דאַן נישט געקענט האָבן און דערפאַר איז ער שפּעטער אָפט מאָל באַהערשט געוואָרן פון פאַרשידענע שטימונגען, וואַקלונגען, בלאָנדזשענישן, חלומות, וואָס די ערב־שטורעמדיקע, ווינטיקע צײַט האָט אָנגעטראָגן פון אַלע זײַטן. פּרץ אַליין האָט וועגן די דאָזיקע שטימונגען זײַנע געשריבן אָט־וואָס:

„דאָס זענען פאַרבײַגייענדיקע שטימונגען, אַן עפּידעמיע אַזאַ, די ווירקונג פון דער אַרומיקער כניקעניש, אַן אָפּגרעפּצן פון דער אינטעליגענטישער צעקראָכנקייט. בײַ אונדזערע ברידער זענען

פאַראַן אַזעלכע שוואַכקייטן. נאָר איר, פרייַנד מיינע, ווענדט נישט קיין אויפמערקזאַמקייט. ס׳וועט פאַראיבערגיין ווי יעדע עפּידעמיע".

דאָך זענען געווען ענג־סעקטאַנטישע קריטיקער וואָס האָבן אויסגעפונען בייַ פּרצן ירידה־שטימונגען און האָבן געוואָלט פּסלען פּרצעס פּראָגרעסיוון גאַנג צוליב אַזאַ אָדער אַנדערן אויסדרוק זייַנעם. דאָס ריכטיקסטע איז אָבער דאָס וואָס שכנה עפּשטיין זאָגט וועגן די פּרצישע וואַקלונגען:

„אין פּרט פון דער אָדער יענער וואַקלעניש איז פּרץ נישט געווען קיין אויסנאַם צווישן גאָר אַ סך גרויסע שרייַבער־קינסטלער פון דער פאַרגאַנגענהייט, אפילו צווישן די ראַדיקאַלסטע. דאָס פאַלט נישט איין אַ מאַרקסיסטיש־דענקנדיקן מענטשן, וואָס באַטראַכט זאַכן דיאַלעקטיש, היסטאָריש, צו לייקענען די פּאָזיטיוו־פּאָרשריטלעכע באַדייַטונג פון יענע שרייַבער אויך פאַר דער הייַנטצייַטיקייט".

פאַר אונדז איז, אין אַלע צייַטן, גילטיק דאָס וואָס פּרץ האָט געזאָגט וועגן זיך:

„איך בין געשטאַנען, שטיי און רעכן צו שטיין ביזן לעצטן אָטעמצוג פון מייַן לעבן אין די רייען פון די קעמפער פאַרן ראַדיקאַל־פּאָרשריטלעכן ייִדישן געדאַנק".

און פּונקט אַזוי גילטיק איז פאַר אונדז פּרצעס רוף צו זייַן פאָלק:

„מייַן פאָלק! גיי! אַלץ ווייַטער און ווייַטער גיי! מיט אַלע באַפרייַער, מיט אַלע צוקונפט־קעמפער, מיט אַלע סדום־איבערקערער!"

מרדכי ספּעקטאָר און יעקב דינעזאָן.

די 2 ערשטע ליטעראַרישע פיגורן פון דער פּרץ־תקופה זענען געווען ספּעקטאָר און דינעזאָן.

אויפן באָדן פון וואַרשע איז ספּעקטאָר געווען בלויז אַן עפּיזאָדישע, הגם זייער וויכטיקע פיגור, ווייַל מיט זייַן פּיאָנערישן וואַרשעווער „הויז פרייַנד" האָט ער אַוועקגעשטעלט אין שאָטן דאָס פאַרווילדעוועטע, דייַטשמעריש־צעדערבוימישע פּרעסע־וועזן. ער האָט אויך, צוזאַמען מיט דוויד פּינסקין, געהאָלפן פּרצן רעדאַגירן די „יום־טוב־בלעטלעך".

פּונקט ווי פּרץ איז געווען כולו יום־טוב, אַזוי איז ספּעקטאָר געווען כולו וואָך.

ווען זיי האָבן ביידע אָנגעהויבן רעדאַגירן די „יום־טוב־בלעטלעך", האָט זיך ספּעקטאָר דערפילט ווי אַ פּרעמדשפּראַכיקער אויסלענדער אין פּרצעס עולמות־העליונים, וווּ די פּובליציסטיק אפילו איז פול געווען מיט גליִענדיקע רמזים, מיט דיניטשקן געדאַנקענשטויב, מיט גליטשיקע צווייַדייַטיקייטן, און וווּ אַלץ איז געווען אויסגעשטערנט מיט אַזוי פיל טיפנאַכטיקע פילפּונקטן... די צאַרישע צענזור האָט געצוווּנגען פּרצעס רעוואָלוציאָנערן געדאַנק נאָך מער צו סובלימירן זיך, און ספּעקטאָר, וואָס זייַן גייַסט איז געווען פּונקט אַזוי קאָרפּולענט ווי זייַן גוף, איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטשאַדעטער אויפן דאָזיקן עולם התוהו, אויפן צעזונגענעם, אַלעגאָריש־סימבאָלישן מאַסקאַראַד פּרצעס. האָט ער זיך טאַקע גלייַך צעזעגנט מיט פּרצעס „יום־טוב־בלעטלעך" און האָט גענומען אַרויסגעבן, במשך פון אַ קורצער צייַט, אַ שריפט וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן „וואָכעדיקע בלעטלעך".

דער דאָזיקער עפּיזאָד כאַראַקטעריזירט ספּעקטאָרן דורך און דורך. ער איז געווען אַ פּרימיטיווער רעאַליסט און האָט פון קיין אַנדער זאַך ווי פון באַשייַנפּערלעכער קאָנקרעטקייט נישט געוואָלט וויסן. ער האָט זיך אויף אַזוי ווייַט אונטערגעגעבן דעם קאָנקרעטן אינהאַלט אַז ער האָט אים נישט געזוכט אפילו, נאָר ער האָט אים גענומען אַזוי ווי ער שטייט און גייט, אָן אַ חוש פאַר אָפּקלייַבן דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישסטע אָדער אינטערעסאַנטסטע.

די באַדייַטונג פון ספּעקטאָרן באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט מיט זייַן פּרימיטיוו־רעאַליסטישן טאַלאַנט אַרויסגעפירט דעם פאָלקסלייענער פון שאָמעריסטיש־שונדיסטישן אומזין און האָט אים, אויף אַ ציכטיקן אופן, אַרייַנגעפירט אין זייַן אייגענעם ממשותדיקן פאָלקסלעבן. זייַן פּראָסטע שפּראַך, זייַן פאָלקסטימלעכקייט, זייַן גוטברודערשאַפט און זייַן פענאָמענאַלע באַריידעוודיקייט אפילו, האָבן אויסגענומען. פאַרשטייט זיך אַז צוליבן צייַטונג־כאַראַקטער פון זייַן שרייַבן, צוליבן „המשך קומט", האָט ער אין די פּשוטע סיטואַציעס געמוזט אַרייַנפירן צייַטנווייַז אָנציִענדיקע אינטריגעס און מעלאָדראַמאַטישע צוגעפּעפּערטקייט, אָבער אין אַלגעמיין האָט ער געגעבן אַן אָרנטלעך בילד נישט נאָר פון ייִדישן קליינשטעטל, נאָר אויך אָנגערירט אין גאַנצן נייַע טעמעס: דאָס דאָרף, דאָס גרויסשטאָטישע ייִדישע לעבן, די דערציִונג, די עקאָנאָמישע פּראָבלעמאַטיק.

אין קעגנזאַץ צו ספּעקטאָרן, האָט דינעזאָן, פון סאַמע אָנהייב ביזן סאַמע סוף, פאַרפולט די גאַנצע פּרץ־תקופה. לעבן פּרצן איז ער געווען די אָנזעעוודיקסטע באַגלייט־פיגור פון דער דאָזיקער תקופה; ער איז געווען דער וויכטיקסטער באַשטאַנדטייל פון פּרצעס 25 ליטעראַרישע יאָרן.

זייַן אייגענע ליטעראַרישע לייַדנשאַפט האָט זיך איבערגעאַנדערשט און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קולט פאַר פּרצן. דערפאַר געדענקט מען אים קודם־כל ווי פּרצעס אַדיוטאַנט, ווי אַ בייַלאַגע, ווי אַ הוספה צו פּרצן, און ערשט נאָך דעם — ווי יעקב דינעזאָן דעם שרייַבער.

ער איז געוואָרן אַ שני לפּרץ, אָבער ניט אַ שני צו פּרצעס ליטעראַרישן מלכות, נאָר אַ שני צו פּרצעס לעבן. אין פּרצעס שאָטן זענען כמעט ווי פאַרשוווּנדן די ליטעראַרישע קאָנטורן פון זייַן געשטאַלט. ער איז געוואָרן פּרצעס אַ סאַטעליט און ער האָט געשייַנט פּונקט ווי עס שייַנט די לבנה אין זכות פון דער זון, כאָטש ער האָט אויך געהאַט אַ באַדייַטנדיקן אייגענעם זכות.

דינעזאָנס פרייַנדשאַפט צו פּרצן איז געווען די פאַרווירקלעכונג פון דער קיין מאָל נישט פאַרווירקלעכטער סענטענץ „ואהבתה לרעך כמוך". ער האָט ליב געהאַט פּרצן נאָך מער ווי „כמוך", ער האָט אים ליב געהאַט ביז פּערזענלעכער און ליטעראַרישער זעלבסטאַנולירונג. פּרץ האָט זיך אַלייַן אַזוי נישט ליב געהאַט ווי ס׳האָט אים ליב געהאַט דינעזאָן.

צום ערשטן מאָל אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז די וווּלגאַרע „קנאת סופרים" (קינאַס סאָפרים) סובלימירט געוואָרן אין אַן אמתער „אהבת סופרים" (אַהאַוואַס סאָפרים). דאָס איז געווען אַ פרייַנדשאַפט צווישן אַן אָדלער און אַ שוואַלב, און שטענדיק האָבן די דאָזיקע צוויי אַזוי פאַרשידענע כאַראַקטערן און געמיטער געהויזט אין פרידן. שלום עליכם האָט אָנגערופן דינעזאָנען „פּרצעס

מאַמע" און פרץ אַליין האָט, אין איינעם פון זײַנע בריוו צו דינעזאָנען, זיך אויסגעדריקט אַזוי: „דו אָן מיר ביסט אַ נול, און איך אָן דיר — נאָך ווייניקער: אַ מינוס. ווען וועסטו שוין קומען כדי פון מינוס און נול זאָל'ווערן עפעס אַ צאָל".

די דאָזיקע פרײַנדשאַפט, וואָס איז געווען אַזוי רירנדיק, סײַ אין אירע גרויסע שטריכן און סײַ אין אירע טאָג־טעגלעכע, אינטימע פרטים, האָט נישט פאַרלוירן קיין איין שפליטער פון איר קעגנזײַטיקער איבערגעגעבנקייט במשך פון די 27 יאָר וואָס זי האָט געדויערט, און וואָס איז דורך פרצעס טויט איבערגעריסן געוואָרן פיזיש אויף 4 יאָר. אין 1919 האָט זיך דינעזאָן ווידער אַ מאָל פאַראייניקט מיט פרצן אויף ביידנס אייביקן געלעגער, און פון דאַן אָן רוען ביידע צוגעדעקט מיט איין שטיין, צוזאַמען מיט איינעם פון די נאָענטסטע עדות פון דער דאָזיקער ברודער־ליבע, — ש. אנסקי.

אין זײַן ליטעראַרישן שאַפן איז דינעזאָן געווען דער שטילינקער, בלחשדיקער (בעלאַכאַשדיקער) טרייסטער און מוסר־זאָגער, מאָראַל־פרײדיקער און בעל־רחמים. ער האָט געשילדערט דאָס יִדישע לעבן סענטימענטאַל און האַרצרײַסנדיק, ער איז געווען דער זיפצער, דער גרויסער בעל־בכי אין דער יִדישער ליטעראַטור.

ער האָט אויפגערירט דאָס האַרץ פון אויפקומענדיקן יִדישן פאָלקס־לייענער וואָס איז געווען פרימיטיוו און סענטימענטאַל־שפירעוודיק. דאָס פאָלק האָט אים געענטפערט מיט דאָס טײַערסטע און אויפריכטיקסטע וואָס עס פאַרמאָגט: מיט אמתע טרערן. בײַם יִדישן מאַסן־לייענער פון אַ 55—65 יאָר צוריק, האָט קיינער נישט אַרויסגעשעפט אַזוי פיל טרערן ווי דינעזאָן. יעדער עקזעמפלאַר פון זײַן בוך „יאָסעלע" איז מיט דער צײַט געוואָרן אַ לאָגל פון פאָלקסטרערן, און די געבליבענע פלעקן אויף די בלעטער זענען עדות עד־היום פונעם הייסן פאָלקסגעוויין וואָס איז אָנגערונען אין בוך. די ערשטע אויסגאַבע פון דאָזיקן ווערק איז אַרויס אין צען טויזנט עקזעמפלאַרן און נאָך דעם זענען אַרויס ווײַטערדיקע און ווײַטערדיקע אויסגאַבעס.

אין דינעזאָנס סענטימענטאַליזם איז נישט געווען קיין ביליקייט און קיין וווּלגאַרקייט, נאָר אַ מין מוטערלעכע פאַרבלענדטקייט און גלויבן אין דער גראָטנקייט פון איר אייגן קינד, אַן עקסטרעם־אויפריכטיקע מיטפילעוודיקייט און אַ נאַיִווע אײַנגעגלויבטקייט אַז דאָס גוטע וועט זיך שוין ווי נישט איז דורכברעכן אַ וועג, נישט אַזוי דורך כוח ווי דורך שכל־הישרדיקער איבערצײַגונג און דורך ברידערלעכע אויסגלײַכן.

ער האָט גוט געזען די גרויסע סאָציאַלע אונטערשיידן אין יִדישן לעבן, אָבער ער האָט אין זײַנע ווערק נישט געוויזן קיין סאָציאַל־באַפרײַערישן אויסוועג פאַר די דאָזיקע קאָנטראַסטן. זײַנע העלדן גלייבן אין באַשערטקייט און ער אַליין אין טאָלעראַנץ. עס ציט אים מער צו פאַרשטענדיקונג ווי צו קאַמף. ער צווינגט זײַנע בעוולטע העלדן צו זײַן נישט־אַרויסרופעריש, נישט־דעמאָנסטראַטיוו, אַזוי אַז זיי פאַרשטייען זײַער געזעלשאַפטלעכע לאַגע מער גורלדיק־פאַסיוו ווי סאָציאַל־אַקטיוו.

אומדירעקט אָבער, דורך דער קינסטלערישער קראַפט פון דער שילדערונג, שפאַרט זיך דורך אין זײַנע ווערק די ביינערדיקע העסלעכקייט און פרום־געשלייערטע פאַרדאָרבנקייט פונעם גבירנטום און די פינצטערע געזעלשאַפטלעכע מידות פון פאַנאַטישן תקיפנטום.

ווי אין פרימיטוון פאָלקסראָמאַן דערפירט ער די גוטע און די שלעכטע העלדן צו ווײַטגייענדיקע עקסטרעמען. דער אומשולדיקער איז כולו תכלית און ער האָט גאָר אויף זיך נישט קיין איין שפרינקעלע פון מענטשלעכער פסולדיקייט. דער רשע, ווידער, איז כולו פסולת און זײַן פאַרדאָרבנקייט איז אַן אויסשליסלעכע, אַ גוזמהדיקע. נישט געקוקט אויף די דאָזיקע עקסטרעמען גלייבט דינעזאָן אין אַ שלום צווישן זיי, ווײַל... גרויס איז זײַן ווייכהאַרציקייט און זײַן עטישער אָפטימיזם. דערפאַר זאָגט טאַקע פרץ וועגן דינעזאָנען אַז „דער קינסטלער אין אים קניט פאַרן מאָראַליסט".

צום לויב פון דינעזאָנען דאַרף געזאָגט ווערן אַז ער האָט אויסגעמיטן אַ געקינסטלטע גוטסופיקייט אין זײַנע ראָמאַנען. כמעט אין אַלע זײַנע ווערק דערקײַקלט זיך דער סיוזשעט צו אַ טראַגישן עפילאָג, וואָס רודערט אויף אויף אַ נאַטירלעכן אופן דעם לייענער. נישט געקוקט אויף זײַנע איבערטרײַבונגען, קוקט אַרויס פון זײַן שאַפן דער ריינער אמת, וואָס גיט אָפ אַ טרויעריקן גרוס פון צעמזיקטע און צעשרויפטע לעבנס.

נישט געקוקט אויף דער סאָציאַלער אומדעפינירטקייט און נאַיִווקייט פון דינעזאָנס ווערק, האָבן זיי דאָך אויסגעפירט אַ וועקנדיקע און דערציִערישע פונקציע, און אַרײַנגעצויגן אין דער בעסערער יִדישער ליטעראַטור־ספערע אַ צאָלרײַך און איבערגעגעבן לייענערטום.

אויסער דעם זענען זײַנע ווערק, אומאָפהענגיק פון זייער אינעווייניקסטער ליטעראַרישער אומפערפעקטקייט און שפראַכיקער פאַרעלטערטקייט, שיר נישט אַ מוסטער פון דרויסנדיקער האַרמאָנישער קאָנסטרוקציע. אַלטער קאַציזנע איז געווען אַנטציקט פון דינעזאָנס ראָמאַנען־אַרכיטעקטאָניק און האָט זי אפילו אַרויסגעשטעלט ווי אַ מוסטער פאַר אונדזערע מאָדערנע ראָמאַניסטן.

סײַ ספעקטאָר מיט זײַן באַריידעוודיקן רעאַליזם, סײַ דינעזאָן מיט זײַן האַרצרײַסנדיקן סענטימענטאַליזם, זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, דער אַרײַנפיר אין דער מאָדערנער יִדישער ליטעראַטור, הגם פאָרמעל־כראָנאָלאָגיש זענען זיי געווען מיטצײַטלער פון פרצן. דורכן היימישן פאָדער־צימער פון זייער שאַפן איז דער יִדישער לייענער אַרײַן, אויף אַ נאַטירלעכן אופן, אין פאַטריאַרכאַלן הויז פון די קלאַסיקער.

וואַרשע — דער ליטעראַרישער צענטער פון ערשטן פרצישן יאָר.

אויף דער גרענעץ צווישן ביידע גרויסע יאָרהונדערטער האָט זיך אַרום פרצן גענומען שאַפן אַ ליטעראַרישע באַוועגונג. פרץ איז געוואָרן דער מאַגנעטישער צענטער פון אויפקומענדיקן ליטעראַרישן דור, און די „פרציסטן־נעסט" אויף צעגלאַנע 1 איז געוואָרן דער ליטעראַרישער אײַנמעלדונג־אָרט, דער ליטעראַרישער סאַלאָן, די ליטעראַרישע שול און קודם־כל — דער פרוּווּשטיין פאַר יעדן שרײַבערישן אַספיראַנט, וואָס האָט זיך דאָרט פרײַוויליק געשטעלט צום ליטעראַרישן פריזיוו.

נישטאָ דער שרײַבער־אַספיראַנט פון יענע צײַטן וואָס זאָל נישט האָבן דורכגעמאַכט די פראָצעדור פון אַרויפגיין, אויף די שפיץ פינגער, צו פרצן, פון נישט האָבן דורכגעלעבט דעם קלאַסישן נסיון פון האַרצקלאַפעניש הינטער פרצעס טיר. דער גרעסטער טייל אַספיראַנטן איז אָפגעקומען מיט האַרצקלאַפעניש און נישט געוואַגט אַריבערצוטרעטן נישט אַזוי די שוועל פון דער פרץ־שטוב ווי די שוועל פון דער אייגענער מורא, און דער גרעסטער טייל פון די וואָס האָבן שוין יאָ געוואַגט צו שטעלן זיך פנים־אל־פנים מיטן העכסטן

ריכטער, מיטן האַר פון דער ליטעראַרישער פמליה של מעלה, האָבן מער געהערט דאָס געדונער פון זייער אייגענעם האַרצן ווי דעם שטרענגן אורטייל פונעם גרויסמײַסטער.

אינעם אַספּיראַנטן־שטראָם וואָס האָט געפּלייצט צו דער דאַמבע אויף צעגלאַנע 1 האָט פרץ געזוכט קאַרפּן און נישט קיין פּלאָטקעס, און דאָרט ווו ער האָט דערשפּירט דעם עכטן ריח פון קאַרפּ האָט ער זיך שוין באַמיט אַז פונעם קליינעם קאַרפּל זאָל אויסוואַקסן אַן עכטער קאַרפּ.

ער איז אָבער איז זײַנע אָפּשאַצונגען קיין מאָל נישט געווען קיין דרויסנדיקער און קיין גלײַכגילטיקער, נאָר אַ הייסער אָנטיילנעמער. זײַן מיטקלאַפּנדיק און מיטזינגענדיק האַרץ האָט דיכטעריש און חבריש אַקאָמפּאַנירט אַלעמען. זײַן מיטבאַטייליקטקייט אין יעדער זאַך איז געווען אַזאַ טיפע, אַז אָנפאַנגענדיקע שרײַבער פלעגן נישט דערקענען די ווערק זייערע נאָך דעם ווי פרץ פלעגט זיי קאָרעגירן, ווײַל, אין גרונט גענומען, פלעגט ער נישט קאָרעגירן נאָר פאַרפרצעווען...

פרץ, דער אבינו רבנו און מורנו פון דער יונגער ליטעראַטור, דער פּראָבלעמען־זוכער און צילן־אַוועקשטעלער, האָט געפילט אין זיך דעם נאַטירלעכן מוז צו קערעווען מיט דער גאַנצער ליטעראַטור. דאָס קערעווען האָט זיך אויסגעדריקט נישט נאָר איז געשטאַלטיקן נײַע טאַלאַנטן, נישט נאָר אין אויסגעפונען דעם „געטלעכן פונק" בײַ די המונים ליטערדאַרישע אָנפאַנגער, נאָר דער עיקר — אין אײַנשטעלן אידעיִשע נאָרמעס, אין געבן אַ קולטור־געשיכטלעכע, געזעלשאַפטלעכע און עסטעטישע ריכטונג דער פריש־יוירנדיקער און יוגנטלעך־צעפלאַמטער ליטעראַטור, וואָס האָט גענומען אַרויסוואַקסן פון די קורצע קליינשטעטלדיקע הייזלעך.

דער דראַנגיקער ווילן פון דער יוגנט בכלל און פון די יונגע שרײַבער בפרט אַרויסצורײַסן זיך איינס־און־צוויי פון דער דורותדיקער פאַרשטיקטקייט און אַרײַנצושפּרינגען מיט דער גאַנצער יונגיאָריקער אומגעדולדיקייט אין דער מאָדערנער אייראָפּעיִשקייט אַרײַן, האָט געדראָט מיט אַ צו האַסטיקן איבערבראָך. דער ראַדיקאַלער שניט איבער דער פאַרגאַנגענהייט האָט נאָך נישט באַטײַט אַן אַרײַנקומען אין דער נײַער צײַט. די איבערגעאײַלטקייט האָט געשאַפן אַ צו גרויסן בלויז צווישן אַלט און נײַ, און די איבערגעאײַלטע, נאָכן היציקן פאַרלאָזן די אַלטע וועלט, האָבן באַוויזן אַרײַנצוקומען נישט אין אַ נײַער וועלט נאָר אין אַ נײַער פוסטקייט.

פרץ האָט דער עיקר געוואָלט אַז דאָס אַרויסגיין פון דער אַלטער פאַרגאַנגענהייט זאָל נישט זײַן קיין אַרויספאַלן און אַז דאָס אַרײַנגיין אין נײַעם לעבן זאָל נישט זײַן קיין אַרײַנפאַלן. ער האָט געזוכט דעם האַרמאָנישן איבערגאַנג און האָט געוואָלט אויסמײַדן דעם האַסטיקן איבערבראָך. אין פּראָצעס פון אַרויסגיין און פון ווײַטערדיקן גיין האָט ער געוואָלט שאַפן אַ בריק צווישן אַלט און נײַ.

אַ טייל אַרויסגעגאַנגענע האָט מיט פּסיידאָרעוואָלוציאָנערער אַנטשלאָסנקייט געוואָלט איבערלאָזן אַלץ הינטער זיך, אַרײַנגערעכנט די אייגנאַרטיקע פאָלקסווערטן פון דער קולטור־ירושה. אין אַזאַ פאַל, אָבער, ווען „דאָס אַלטע באַגײַסטערט נישט מער (און) דאָס נײַע (באַגײַסטערט) נאָך נישט", ווי פרץ דריקט זיך אויס, ווערן נישט געשאַפן קיין טיף־אייגנאַרטיקע ווערק נאָר עס „קומען פראַזן, פינטעלעך, פאַרקערטע בילדער, ליטעראַרישער שאָטנשפּיל, גײַסטיקער אָנאַניזם". אין אַזאַ מין מאָמענט „האָט מען שטימונגען און קיין כאַראַקטער נישט; גלוסטונגען אָבער קיין ווילן נישט. קיין גרויסע ליבע, קיין האַס... (בלויז) פלירט, לײַכטע באַציִונגען"...

דעם דראַנג צו רײַסן זיך אין דער נײַקייט נאַקעטערהייט, אָן דער דורותדיקער קולטור־ירושה, רופט אָן פרץ „אימפּאָטענטער יצר־הרע"...

די הויפּטזאָרג פרצעס איז געווען „אַרײַנפירן דעם ייִדישן שניט אין אונדזער פאָרעם", דאָס הייסט קאָנסערווירן די נאַציאָנאַלע פאָרעם פאַר די נײַע אינהאַלטן. דעריבער איז פרץ אַרויסגעטראָטן קעגן די עקסטרעמע „רעוואָלוציאָנערן" און פראָפאַנירער פון הייליקייטן, וואָס ערשט נעכטן זענען זיי נאָך ביזן האַלדז געווען אַרײַנגעטאָן אין קאָנסערוואַטיוו־רעאַקציאָנערער ייִדישקייט און שוין הײַנט ווילן זיי זיך, אויף אַ פאַרדעכטיקן אופן, אָפּשאָקלען פון אַלץ: „און די משיחלעך זענען שוין, ווי מען זאָגט, אין דער שוסטערגאַס; ווו נאָר אַ ישיבה־בחור לערנט ער זיך רײַטן אויף דער כנסת־ישראל".

פרץ האָט געוואָלט אַרויסראַטעווען פון דער אַלטער ייִדישקייט אַלע פּראָגרעסיווע ווערטן אירע און נישט פאַרמשפּטן זי אין גאַנצן אַזוי ווי זי שטייט און גייט: „ייִדישקייט איז נישט קיין שטייענדיק וואַסער, קיין זומפּ, „מים חיים" רופט מען זי. — — — ייִדישקייט טאָר נישט גענומען ווערן סטאַטיש נאָר דינאַמיש — אין דער אַנטוויקלונג, דאָס הייסט איבעראַל אויף דער גאַנצער ייִדישער וועלט און אין אַלע צײַטן".

פרץ האָט זיך באַמיט צו דערווײַזן אַז די אייראָפּעיִזאַציע פון דער ייִדישער ליטעראַטור טאָר נישט זײַן קיין קאָסמאָפּאָליטיזירונג, קיין נאָכמאַכונג, קיין אויטאָמאַטיש איבערנעמען פרעמדס און נישט־פאַרדייטס: „איך רעד נישט פון פאַרשליסן זיך אין אַ גײַסטיקן געטאָ; מען זאָל אַרויס פון געטאָ, נאָר מיט אייגענעם גײַסט, מיט אַן אייגן גײַסטיק פאַרמעגן, און טוישן: געבן און נעמען, נישט בעטלען. געטאָ איז אימפּאָטענץ: קולטור־קרייציקונג — די איינציקע מעגלעכקייט פאַר דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג. זאָל קומען דער מענטש, מוז ער זײַן דער סינטעז, דער סך־הכל, די קווינטעסענץ פון אַלע נאַציאָנאַלע קולטור־פאָרמען און וועלט־באַנעמען. „נעמען און זיך נישט פאַרלירן" — דאָס איז די הויפּטזאַך און דאָס איז דאָס שווערסטע בײַ שוואַכע און נישט־זעלבשטענדיקע פעלקער... פון ייִדישן שרײַבער מוז מען דעריבער מער פאַרלאַנגען. דאָ איז אייגנאַרט — ווירקלעכער כאַראַקטער; די אָריגינעלע פאָרם — די העכסטע פאָרעם פון ווילנסקראַפט".

פרץ האָט אַזוי אַרום געהאַט וויזיע אין ביידע ריכטונגען, וויזיע צום פאָלקסטימלעכן צוריק און וויזיע צום פּראָגרעסיוון פאָרויס, און ערשט פון ביידע וויזיעס האָט ער געוואָלט צונויפשטעלן איין גאַנצע מאָדערנע ייִדישקייט. דאָס איז פאַקטיש געווען איין־איינציקע גלאָבאַלע וויזיע, אַ וויזיע וואָס באַנוצט זיך מיט ביידע אויגן און וואָס פאַרפעלט נישט צו דערזען אַלע געשיכטלעכע און נאַציאָנאַל־מענטשלעכע צוזאַמענהאַנגען מיט איין מאָל. ער האָט געקעמפט קעגן אַ פאַרטיקער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור אויף ייִדיש, וואָס וואָלט געווען נישט מער ווי אַ סוראָגאַט פון אַ ליטעראַטור. געוואָלט האָט ער אַז די אייראָפּעיִזאַציע זאָל קומען פון אייגענעם אינעווייניק, דורך דער ייִדישער שול, דורך פאַרברייטערן די לעבנסאינטערעסן, דורך הייבן די אינטעליגענץ, דורך מאָדערניזירן דאָס לעבן, און נישט דורך אימפּאָרטירן פאַרטיקערהייט די דרויסנדיקע אייראָפּע אין געטאָ אַרײַן... דערפאַר זאָגט ער:

„קומען מענטשן פון בערלין... אין בערלין געווען, דעם שטיינערנעם ביסמאַרק מיט די בלעכענע שטיוול געזען, די זיג־אַלעע מיט די מאַרמאָרנע גראַפן און מאַרקגראַפן... אָנגעזאַפּט די שוואַרצאַפּל מיט דער פּראַכט פון ווייכע און גאָלד־באַשלאָגענע הויף־

קאַרעטן און אַרויפגעוואַקסטע קייסער־וואָנצן, און באַגייסטערט פון דער קראַפט וואָס שלאָגט פון פּאָליציאַנט און ביר־יונקער, קומען די לייַט אין אונדזער געטאָ אַרייַן און פרעגן אויף אייראָפּע... נישט אייראָפּע פעלט אונדז... ייִדיש פעלט, עברי פעלט..."

פּרץ איז געווען שטרענג צום ייִדישן שרייַבער און האָט געפאָדערט פון אים פאַרמעסט און אַלייִדישע אַרומנעמיקייט. ווען אין דער ייִדישער ליטעראַטור איז שוין געווען דעפּאָזיטירט דאָס גרונט־רייַכטום פון אַלע דרייַ קלאַסיקער, ווען אש, נאָמבערג און ווייַסנבערג האָבן שוין געהאַט צוגעטראָגן זייערע כאַראַקטעריסטישע שאַפונגען, ווען די נאָך ייִנגערע „קומען מיט פאַרבן, ברענגען אַרייַן דעם ים, זונאויפגאַנג, פּויערים, ציגייַנער, גנבים", האָט פּרץ נאָך אַלץ געהאַלטן אַז אין ליטעראַרישן זינען זענען מיר אָרעמע־לייַט. ער איז אַרויס מיט אַזאַ מין טענה: „אָבער ווו זענען (געשילדערט אין דער ליטעראַטור) די ספרדישע ייִדן? ווו זענען די אַמסטערדאַמער בריליאַנטן־שלייַפער, אַרגענטינער און פּאַלעסטינער קאָלאָניסטן? וואָס מאַכט ראָטשילד אין פּאַריז, לוצאַטאָ אין רוים?"

דאָס אַלץ האָט פּרץ געוואָלט האָבן אין דער ליטעראַטור נאָך פאַר 1910. מען האָט ערשט געהאַלטן בייַ דער פונדאַמענט־אַרבעט און ער האָט שוין געפאָדערט אַ דאַך איבערן קאָפּ. מען האָט שוין געהאַט אָנגעזאַמלט גביר־אַדירדיקע ליטעראַטור־אוצרות און אים האָט נאָך אויסגעפעלט צום חשבון אַ האַלבע ייִדישע וועלט.

ער האָט איראָניזירט ווען עמעצן איז גאָר איינגעפאַלן צו רעדן וועגן אָנשרייַבן „אַ געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור ביז 1890", ווייַל געהאַלטן האָט ער אַז אפילו אין 1910 איז נאָך די ייִדישע ליטעראַטור נישט ראוי צו אַ געשיכטע, נישט דערפאַר ווייַל ער האָט לייַכט געשאַצט דאָס דערגרייכטע ביז דאַן, נאָר ווייַל ער האָט געפאָדערט אַ סך מער. אין זייַן גרויסער ייִדיש־ליטעראַרישער וויזיע איז נאָך געווען אַ סך פרייַ אָרט פאַר נאָך און נאָך דערגרייכונגען, און דאָ מיט אַ מאָל — אַ געשיכטע גאָר!

פּרץ האָט קיין מאָל נישט געוואָלט מאַכן קיין ליטעראַרישע סך־הכל, נישט קיין אַלגעמיינע און נאָך ווינציקער וועגן זיך אַליין. ווען אויף די צאָלרייַכע אויפנאַמעס און באַנקעטן, וואָס זענען לכבוד אים אָרגאַניזירט געוואָרן, פלעגן די באַגריסערס אונטערציִען סך־הכל פון זייַן שרייַבן, געבן כוללדיקע אָפּשאַצונגען אָדער אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיקעס, פלעגט ער שטאַרק אין כעס ווערן. ביז די לעצטע יאָרן פון זייַן לעבן פלעגט ער זאָגן אויף זיך אַז ער הייבט ערשט אָן, אַז ער פאַרמעסט זיך ערשט צו נעמען שרייַבן און אַז ס'איז נאָך צו פרי אָנצוהייבן אונטערצוציִען די ביז איצטיקע ברוכצאָלן...

פּרץ, וואָס האָט געקעמפט קעגן דער באָדנלאָזער, כאַפּ־לאַפּיקער שטימונג־ליטעראַטור און קעגן דער מאַניר פון אָפּפרעמדן זיך פון אייגענעם מקור, האָט געפאָדערט דינאַמישע ירושה־טראַדיציע אין דער פאָרעם און ייִדישע אַרומנעמיקייט און פּראָגרעסיווקייט אין דער טעמאַטיק.

אין שייַכות מיט דעם האָט ער געשטעלט קאַטעגאָרישע פאָדערונגען צום ליטעראַטור־קריטיקער וואָס עפנט נישט די אויגן פונעם שרייַבער און וואָס געוווינט נישט צו דעם עולם צו זייַן אָפּקלייַבעריש. עס איז נאָך דאַן בכלל קיין קריטיק נישט געווען, און די פּאָר צופעליקע כמו־קריטיקערס זענען געווען, לויטן פּרצן, צופיל איינזייַטיקע ריכטערס און צו ווייניק אמתדיקע אָפּשאַצערס און פּאָפּולאַריזאַטאָרס. זאָגט ער טאַקע:

„אַ גאָרטן האָבן מיר נאָר קיין גערטנער נישט; קיינער פלעגט נישט דאָס גוטע, שפּאַרט נישט אונטער דאָס שוואַכע, טרינקט נישט אָן דאָס דאָרשטיקע. יונגע זוכערס זענען פאַראַן; קיינער העלפט זיי נישט געפינען דעם זיכערסטן וועג; אַן עולם־גולם פאַראַן, ווייַזט אים קיינער נישט דעם אונטערשיד צווישן ריין און אומריין, — סמט ער זיך. און ווייַזט זיך אַ מאָל אין אַ יובל אַ גרעסערע, אַן ערנסטערע און טיפערע זאַך, וועט זי קיינער נישט דערקלערן, פּאָפּולאַריזירן; מען רעדט נאָר קעגן דעם, קעגן וועלכן מען קען זיך שטעלן אַלס גרויסער אויסלענדישער פייַנשמעקער און ווייַזן עטלעכע פעלערן. און עס גראַסירט די גרין־געלע, צוזאַמענגעשרומפּענע, קרענקלעך־אייַפערזיכטיקע, בייזע אימפּאָטענץ, און ווו זי זעט אַ קינד מיט רויטלעכע בעקלעך, לויפט זי צו און דרייט אים אויס אַן אויער — פאַר כעס!"

פון דער אַנדערער זייַט האָט פּרץ אַראָפּגעריסן דעם „נישט־ריר־מיך־אָן"־קאָמפּלעקס פונעם שרייַבער, זייַן היפּער־סענסיביליטעט לגבי אומגינסטיקער קריטיק, זייַן נישט־דולדן קיין עפנטלעכע אָפּשאַצונג וועגן זיך, אונטערן תירוץ אַז מען רייַסט זיך אַרייַן אין זייַן פּריוואַט־לעבן. פּרץ לאַכט זיך אויס פון דעם קלאָר און דייַטלעך:

„וואָס הייסט פּריוואַט־לעבן? פּריוואַט לעבט אַ מענטש אין אַ מדבר. פּריוואַט לעבט אַ פּרוש אין וואַלד, אפשר נאָך אַ פּאַרצייַטיקער בטלן אונטערן בית־מדרש־אויוון. אַ מענטש צווישן מענטשן איז קיין מאָל נישט פּריוואַט. דער וואָס טוט עפּעס, בפרט דער וואָס שרייַבט, לעבט געזעלשאַפטלעך, עפנטלעך. ער מוז זייַן אָדער ניצלעך, אָדער שעדלעך, און קען און דאַרף און מוז אָפּגעשאַצט ווערן. — — — עפנטלעך קריטיקירט ווערן דאַרפן אַלע און פריִער פאַר אַלע דער שרייַבער! ווער עס רעדט צום פּובליקום, געהערט צום פּובליקום! דאָס פּובליקום האָט רעכט צו פאַרלאַנגען מען זאָל פון צייַט צו צייַט אַראָפּציִען דעם טלית פון די וואָס שטייען בייַם עמוד, בייַם שולחן, און ווייַזן אים ווער עס בעט פאַר אים, ווער עס בלאָזט אים שופר!"

פאַר איין וועגס גיט שוין פּרץ אַ קלאַסיפיציר אָפּ די שרייַבער פון דער ייִדישער געלער פּרעסע: „יעדער האָט זיך זייַן ווינקעלע, זייַן ספּעציאַליטעט. איינער זינגט, דער צווייטער דערציילט, דער דריטער שרייַבט חכמות, דער פערטער וויצלט זיך, דער פינפטער און אפשר דער זעקסטער צי דער זיבעטער פירט טאַקע מיסט!... מען דאַרף עס אויך! אמת, עס טרעפט אַז די מיסטשלעפּערס שרייַבן שירים אַ מאָל אויך"...

פּרץ באַמערקט איראָניש אַז אַ דאַנק דער געלער פּרעסע וועט דער עולם אָנהייבן צו אונטערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס און אַז די דאָזיקע פּרעסע, אין איר ערשטער סטאַדיע, קען אפילו זייַן אַנטדעקעריש דורך איר אַראָפּרייַסן פון דעם ביז איצט פאַרהייליקטן פּריוואַט לעבן אַ סך זייַדענע מענטשלעך. און ער גיט אַזאַ מין סאַרקאַסטישן הכשר:

„זאָל זי זיך גראַבלען אין מיסט — אין פּריוואַטן לעבן מיין איך, עס שאַדט נישט! קעגן דעם קען זייַן נאָר די אַלטע בעל־הביתשע מאָראַל פון קלאָפּשלעסער און פאַרהאָנגענע פענצטער. די מאָראַל אין זייַדענע אָבער אין זייַט מיר מוחל, פאַרדאָסטע אונטעררעק... די עטיק איז געווען נאָר אַ שוצמאַרקע פאַר חניפה, צביעות, שיינהייליקייט און אַל דאָס בייז. נאָר די אַלטע גבאיטע מיט די יונגע חטאים האָט געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן „רשות־הרבים", בפרהסיה" און „אונטער פיר אויגן", „בחדרי־חדרים"...

פּרץ האָט אויך געפּרוּווט היילן די כראָנישע קראַנקהייט פון די בירגערלעכע שרייַבערס — די אייביקע צעריסנקייט צווישן זיך,

די אידעענלאָזיקייט זייערע און די מאָראַל פון „כאַפּ פאַר דער שורה און עס, כאַפּ פאַר דער שורה און טרינק". מיט ווייטיק רופט ער אויס: „פאַר וואָס זענען מיר צעזייט און צעשפּרייט ווי די שעפּסן? צי האָבן מיר נישט קיין אינטערעסן, מאָראַלישע אָדער עקאָנאָמישע, אַרום וועלכן מיר דאַרפן זיך זאַמלען?"

אין סך־הכל האָט פּרץ געוואָלט איַינשטעלן אַן אידעיִשע און געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג אין דער יִדישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק, אַראָפּרייַסן די פרעמדע שטרויענע פליגל פון יִדישן מאָדערניזם, אַנטוויקלען די דערציִערישע ליטעראַטור־קריטיק, באַוואָרעניקן דעם שרייַבער דורך אויסהיטן אים פון שונד און דורך אויפוועקן אין אים אַ כלל־געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פון אייגענער ווערדע.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז פּרצן אויסגעקומען צו פירן אַ צווייטן ליטעראַרישן קאַמף: קעגן דער מאָדע פון וווּלגאַרן, פאַרטריקנטן, נשמהלאָזן רעאַליזם, קעגן דער האַרט־רעאַליסטישער שיטה וואָס זאָגט אַז „מען דאַרף נישט ווייַט קריכן, מען דאַרף נישט ליב האָבן, נישט פייַנט האָבן, מען דאַרף קיין צוועק, קיין תכלית; אַלץ איז גוט; אַרום און אַרום ליגן טעמעס ווי האָלץ! וווּ דו ביסט, וואָס דו זעסט — באַשרייַב! ווינסטו למשל אין ווילנע — באַשרייַב די בלאָטע, ליגסטו אין בית־מדרש אונטערן אויוון — שטודיר די טאַראַקאַנעס"...

אין דאָזיקן פאָטאָגראַפישן, נישט־איבערקלייַבערישן, נישט־סעלעקטיוון רעאַליזם האָט פּרץ געזען נישט קיין קונסט נאָר נאָכמאַכנדיקן קונץ. ער האָט אָנערקענט אַז דער לייענער פאַרלאַנגט וואָס מער רעאַליזם און האָט עס אויסגעטייַטשט ווי אַ רעאַקציע קעגן די נישט־געשטויגענע שטותים, אויסגעקליגלטע באָבע־מעשיות און אוטאָפּישע חלומות, מיט וועלכע די ליטעראַטור איז געווען פאַרוואָלגערט. דער נאָרמאַלער לייענער קען נישט פאַרלייַדן ווען די לעבעדיקע ווירקלעכקייט ווערט נאָך אַנאַנד געוויקלט אין נעפּלען, אָבער אַ נאַקעט־נאַטוראַליסטישער, דרויסנדיקער רעאַליזם, אָן אַן אידעע, אָן נשמהדיקער אינערלעכקייט, אָן טרעפלעכער אָפּקלייַבערישקייט, טרעפט אויך נישט צום עולם און איז, אויסער דעם, ווייַט פון קונסט.

פּרץ אָנערקענט אַז „דער מאַטעריאַל פאַר דער קונסט איז די ווירקלעכקייט, — — — אָבער זען וויל מען מיטן אויג פון קינסטלער און דאָס קינסטלעראויג זעט די ווירקלעכקייט נישט אַזוי ווי זי איז, נאָר פיל ווירקלעכער, וואָרעם ער זעט איר אינערלעכן אינהאַלט, איר באַציִונג־אָפּהענגיקייט פון דער נשמה פון דער וועלט און פון דעם וואָס עס טוט זיך הינטער די קוליסן פון דער וועלט, אין אָפּהענגיקייט פון זייַן קינסטלערישער וועלט־באַנעם. — — קונסט איז אַ סוראָגאַט פון לעבן, נאָר זייער אָפּט טיפער, דערהויבענער און וואָרער ווי דאָס לעבן".

צווישן רויען רעאַליזם און מיסטישער ראָמאַנטיק זוכט פּרץ די ווירקלעכקייט — אַ דורכגעשטראַלטע מיט דעם קינסטלערס נשמה און אַ באַלעבטע מיט זייַן גייַסט, אָבער קיין מאָל נישט אַן אויפגעכאַפּטע דורכן טויטן גלאָז פון פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט, אָדער אַ פאַרצייכנטע דורכן געשיכטלעכן כראָניקער, אָדער אַ פאַרשריבענע דורכן אויסגעטריקנטן פּראָטאָקאָליסט.

זייַנע ליטעראַרישע טעאָריעס האָט פּרץ פּראַקטיצירט אין זייַנע ווערק.

אין דער דורכגעלויטערטער טראַדיציאָנעלער סביבה און אויף די אַלט־שטייַגערישע סצענאַרן פון זייַנע נאָוועלן, סקיצן און דראַמעס, ברענגט ער אַרויס די סאָציאַלע, מאָראַלישע און אפילו עקאָנאָמישע פּראָבלעמען פון דער ווירקלעכקייט. פון דער צווייטער זייַט, איז זייַן רעאַליזם פול מיט פּסיכאָלאָגישער דורכגעוואָרעמטקייט, מיט אידעיִשער ציל־באַוווּסטקייט, מיט ראָמאַנטישע פונקען און מיט זייַן אייגענעם נשמהדיקן אָנטייל.

די ווירקלעכקייט וואָס ער האָט געשילדערט האָט אַזוי אַרום געהאַט אַ קולטור־געשיכטלעכן יאָדער און דער רעאַליזם זייַנער האָט געהאַט אַ ראָמאַנטישע אונטערשיכט, אַ נשמהדיקן סובסטראַקט. זייַן געפילן־שטראָם און געדאַנקען־גאַנג האָבן צונויפגעבראַכט אויף איין איבערפלאַך דאָס דערהויבנסטע פון דער אַלט־יִדישער מאָראַל און דאָס שאַרפסטע פון די ראַדיקאַל־פּראָגרעסיווע אייַנשטעלונגען פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט.

די ערשטע ליטעראַרישע הויפּטפיגורן פון דער פּרץ־תקופה.

אין מיטן פון דער פּרץ־תקופה, צווישן איין יאָרהונדערט און דעם צווייטן, ערב די רעוואָלוציאָנערע יוגנטיאָרן פון דער נייַער צייַט, האָט זיך די ליטעראַרישע סביבה גענומען אויספילן מיט פרישע ליטעראַרישע פיגורן, וואָס דאָס יִדיש־שטעטלשע הינטערלאַנד האָט צוגעשטעלט אין פּרצעס וואַרשע.

די נייַ־צוגעקומענע שרייַבער זענען גלייַך פון זייער ערשטן טראָט נישט געווען ענלעך איינער אויפן צווייטן, כאָטש זיי זענען אַלע אויסגעוואַרעמט געוואָרן אין איין און דער זעלבער פּרציסטן־נעסט. זיי האָבן זיך אויך נישט געהאַלטן בייַ פּרצעס דעמאָלטיקער ליניע פון רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק, פון סאָציאַל־קעמפערישער סימבאָליק און פון דערגרונטעווען זיך צו דער מאָראַלישער זוויבערקייט פון פאַרגאַנגענעם פאָלקסטימלעכן לעבן. זיי זענען געקומען מיט שטיקער לעבעדיק לעבן, און האָבן אָט דאָס דאָזיקע לעבן אַרייַנגעטראָגן, אויף אַ פאַרשידנאַרטיקן אופן, אין דער יונגער יִדישער וואָרטקונסט.

פון פּוילישן שטעטל איז געקומען דער ערשטער פּאָעטישער שטעטל־באַזינגער שלום אַש. די לירישע פאַרכלינעטקייט און צעזונגענקייט פון זייַנע צוויי שטעטלווערק איז געווען דער ערשטער אויסדרוק פון בורזשואַזער ראָמאַנטיק אין דער יִדישער ליטעראַטור. דאָס רעאַלע שטעטל, מיט זייַנע שאַרפע קלאַסן־אונטערשידן און פּרעסנדיקער נויט, ווי פּרץ האָט זי געשילדערט אין זייַנע „רייַזענאָטיצן", איז בייַ אַשן אַרויסגעקומען ווי איין גרויסע אידיליע, ווי איין נגידיש־בורזשואַזער יום־טוב. פון איין זייַט איז דער דאָזיקער אַשיש־נגידישער שטעטל־יום־טוב געווען ווייַט פון פּרצעס רעוואָלוציאָנער־סימבאָלישער שבת־יום־טובדיקייט, און פון דער צווייטער זייַט, — ווייַט פון דער סאָציאַל־אויפגעצאַפּלטער צייַט. ס'איז געווען אַ לויבגעזאַנג צום פעטבייַטלדיקן סוחר, צו זייַנע פאַרגעניגנס, צו זייַנע אַפּעטיטן, צו זייַנע שוואַכקייטן און זייַנע תאוות אפילו... דאָס שטעטל גופא און אפילו די אַרומיקע נאַטור זענען בלויז געווען אַ גאָלדענע ראָם צום פּאָרטרעט פון אַלמעכטיקן שטעטלדיקן בורזשוי... און דערשינען זענען די דאָזיקע ווערק אין 1904 און 1913, ווען אין שטאָט און שטעטל איז שוין לאַנג אָנגעגאַנגען אַן אַקטיווער פּראָצעס פון סאָציאַלן אויפגעברויז. אָבער אַש האָט נישט געוואָלט שטערן די גבירישע שלווה פון זייַנע רב יחזקאלס און רב שלמהס...

אויך מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער האָט אין זייַן טרילאָגיע

„פאַרן מבול" געשילדערט די צײַט װאָס איז צונויפגעפאַלן מיט דער אָקטאָבער־רעװאָלוציע, האָבן אים נישט אינטערעסירט די רעװאָלוציאָנערע אידעאַלן און די יונג־סאָציאַלע כוחות, װאָס האָבן מיט נאַקעטע הענט אױפגעשטעלט אַ נײַע װעלט, נאָר ער האָט װידער אַ מאָל באַזונגען די אײַנגעפונדעװעטע שטאָטישע בורזשואַזיע װאָס האָט נעבעך געמוזט פאַרלירן איר לעבנס־אָנהאַלט אין גרױסן היסטאָרישן שטרײַט...

סײַ אין שטעטל און סײַ אין שטאָט האָט זיך אַש שטענדיק געפונען אױפן צד פונעם גביר און איז געװען דער ראָמאַנטיקער פון דער ייִדישער בורזשואַזיע.

װען אַש איז פון שטעטל געקומען קײן װאַרשע, האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר אים נײַע פּראָבלעמען אין די גרענעצן פון דער בירגערלעכער און קלײנבירגערלעכער משפּחה, װי גאָט, געלט, היפּאָקריטישקײט און אָפּט מאָל אַמאָראַלישקײט האָבן דראַמאַטיזירט די קאָנפליקטן. ער איז אױך פאַרכאַפּט געװאָרן פון די בטלנישע, אַנטיגעזעלשאַפטלעכע גאולה־זוכענישן נאָכן כלומרשט־„דעפּיניטיװן" דורכפאַל פון רעװאָלוציאָנערן פאַרמעסט פון יאָר 1905...



שלום אַש

דער דאָזיקער טראַגישער שטאָף האָט זיך געבעטן אין דער דראַמע אַרײַן און אַש האָט טאַקע אָנגעשריבן אַ רײ „סאָציאַלע" און „נאַציאָנאַלע" דראַמעס װאָס האָבן אױסגענומען נישט אַזױ מיט זײער סצענישער מײַסטערשאַפט, װי מיט דער נײַקײט פון דער טעמע, אױף אַזױ װײַט אַז זײ האָבן באַקומען אַ שנעלן אָפּקלאַנג אױך אױף דער נישט־ייִדישער גאַס, װוּ מען האָט אין זײ אַרױסגעפילט אַ מין עקזאָטיש ריחל... די דראַמע „ייִחוס" האָט אפילו אַרױסגערופן, אין יאָר 1908, אַ ברײטע דיסקוסיע אין דער גאַנצער רוסישער פּרעסע: מען האָט זיך געפּלפּולט צי ייִדישע שרײַבער דעפּאָרמירן אָדער מאַכן מיאוס דאָס „רוסישע נאַציאָנאַלע פּנים" װען זײ נעמען זיך צו רוסישער טעמאַטיק... די דאָזיקע דיסקוסיע איז אַזױ אינטערעסאַנט און ממש אַקטועל, אַז עס לױנט זיך אָפּצושטעלן אױף איר אין אַ באַזונדערער אַרבעט.

נאָך דעם װי אַש איז אַריבער פון דער שטעטלשער אידיליע צו די טראַגישע קאָנפליקטן אין דער בירגערלעכער ייִדישער משפּחה, האָט ער װידער אַ מאָל אַן אידעאַליזיר געטאָן זײַן שטעטלשן רב שלמה נגיד און האָט פאַרענדיקט זײַן װאַרשעװער פּעריאָד מיטן אָנהײבן געשטאַלטיקן אַ רײ עמיגראַציע־װערק. שטעטל, שטאָט, אַמעריקע — זענען די טעמאַטישע אָרטעטאַפּן פון זײַן װאַרשעװער שאַפונג־פּעריאָד.

אױך שפּעטער פלעגט זיך אַש ספּאָראַדיש אַראָפּכאַפּן קײן װאַרשע כדי אָנצוזאַפּן זיך מיט פּױלישער ייִדישקײט, אָבער אָפּט מאָל פלעגן די דאָזיקע באַזוכן אַרױסרופן געזעלשאַפטלעכע סיכסוכים צוליב אַשס טאַקטלאָזיקײטן, פאַרדעכטיקע פאַרבינדונגען און נישט־קאָנטראָלירטער מײנונג־זאָגערײַ.

זײַן שנעלער יוגנטלעכער דערפאָלג האָט אַשן אָפּט מאָל פאַרדרײט דעם קאָפּ. ער האָט באַקומען אַ נײגונג צו פּאָזע, צו עגאָיִסטישער „זעלבסטשטענדיקײט" און צו געזעלשאַפטלעכער װאָרטזאָגערײַ אין נאָמען פון זיך אַלײן... נישט זײַענדיק קײן פּערזענלעכקײן אין פולן זינען פון װאָרט, האָבן זײַנע עפנטלעכע אַרױסטרעטונגען אָפּט מאָל איבעראַשט מיט זײערע אַבסורדאַלע באַהױפּטונגען, אָדער האָבן געדינט דער רעאַקציע. מען װאָלט דאָ געקענט אױסרעכענען אַ גאַנצע רײ פון אַשישע סקאַנדאַלן, אומגעלומפּערטקײטן, קריגערײַען און קאָנפליקטן...

שױן אין זײַן װאַרשעװער פּעריאָד האָט זיך אַש אַרױסגעװיזן װי אַ ברײטפאַרנעמיקער שרײַבער, כאָטש צו די האָרעפּאַשנע ייִדישע מאַסן האָט ער קײן מאָל נישט אַרױסגעװיזן קײן טיפערן קינסטלערישן אינטערעס. זײַן שרײַבערישע גרױסקײט פאָרט זיך אױך נישט מיט װאָרטקינסטלערישקײט און מיט שפּראַכמײַסטערשאַפט. זײַן שפּראַך איז אַ צעשױבערטע, אַן איבערגעשױמטע און לײַדט אַפילו צײַטנװײַז אױף אַ דעפעקטיװן זאַצבױ. אַשן פעלט דאָס געפיל פאַר קולטיװירן דאָס װאָרט, פאַר שלײפן זײַן שפּראַך־אינסטרומענט, און דאָס איז ממש אומבאַגרײַפלעך בײַ יעדן באַדײַטנדיקן שרײַבער. עס איז אוממעגלעך צו ציטירן כאָטש אײן בײַשפּיל פון װאָרט־דערפינדערישקײט אָדער װאָרטאױפּטו אינעם אָקעאַן פון אַשס שריפטן. ער זעט און ער פילט קינסטלעריש, אָבער ער האָט נישט קײן סובטעל־קינסטלערישן שפּראַך־חוש.

אַלע פּערזענלעכע, שפּראַכלעך־טעכנישע און אידעאָלאָגישע חסרונות פון אַשס שרײַבערישן טאַלאַנט האָבן זיך אין װאַרשעװער פּעריאָד נישט געװאָרפן שטאַרק אין די אױגן, װײַל ער האָט קודם־כל איבעראַשט מיט זײַן נײַער, דרײסטער און ברײטער טעמאַטיק. אין דער יונגער װאַרשעװער שרײַבער־סביבה איז ער געװען דער ערשטער װאָס האָט זיך פאַרמאָסטן, און אַט דער דאָזיקער פאַרמעסט, װאָס איז גלײַך באַמערקט געװאָרן דורך אײגענע און פרעמדע, האָט אים אַרױסגערוקט אין סאַמע פאָדערגרונט פון דער װאַקסנדיקער ליטעראַטור.

פון פּױלישן שטעטל איז אױך אַראָפּגעקומען **ה. ד. נאָמבערג**, אָבער געקומען איז ער קײן װאַרשע אָן שטעטל־סענטימענטן און אָן קײן שום ליטעראַרישן שטעטל־באַגאַזש. פאַרקערט, — אַ געװאַלדיקע שנאה האָט געברענט אין אים צו דעם אַלץ װאָס דאָס שטעטל האָט באַדײַט אין טראַדיציאָנעלן, שטײגערישן און ראָמאַנטישן זינען. ער איז געקומען מיט אינערלעך־רעװאָלוציאָנערע אַנטישטעטל־שטימונגען און האָט געװאָלט פון זיך אױסשנײַדן ממש דאָס אַלץ װאָס האָט אים געבונדן, דורך זײַן דערציִונג, צו דער גרײַז־גראָער שטעטל־ייִדישקײט.

מיט דעם דערקלערט זיך װאָס ער האָט אױף אַן עקסטרעמען, צולהכעיסדיקן אופן געפּרוּװט קאָמפּענסירן זײַן אַמאָליקן לעבנס־שטײגער און דעם גאַנצן אַלט־ייִדישן לעבנספיר. ער האָט אױף אַ דעמאָנסטראַטיװן אופן מחלל־שבת געװען אױף דער פרומאַקישער נאַלעװקע־גאַס, ער האָט מיט ענטוזיאַזם גערעדט נאָך אַנאַנד װעגן

ערד און פּראָדוקטיוויזאַציע, ער האָט זיך אַרײַנגעוואָרפן אין אַקטיווער פאָלקיסטישער פאָליטיק, ער האָט געפּרוּווט פאַרגיטיקן זײַנע ישיבה־בחורישע יאָרן מיט טענץ און מיט שפּילן ביליאַרד אין די גויִשע קאַפעען אויף דער אַריסטאָקראַטישער מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס...

אויסמעקן דאָס אַלטע און ווערן אַ נײַער מענטש — אַזאַ איז געווען זײַן דראַנג. פאָרמעל האָט זיך עס אים אײַנגעגעבן, אָבער פאַקטיש האָט ער אַ גאַנץ לעבן געפילט דעם נישט־פאַרהיילטן בראָך אין זיך, דעם יונגטבראָך וואָס ער האָט אָפט מאָל געפּרוּווט מילדערן מיט באָהעמישקייט און מיט פאַרטומלען זיך...

אויך אין שרײַבן האָט ער ס׳רוב געשילדערט איבערגעבראָכענע מענטשן, אויסגעוואָרצלטע און נישט־דערגאַנגענע, פּסיכיש־מאַכטלאָזע, וואָס זייער בענקעניש האָט נישט קיין ברעקל כּוח צו ווערן ווירקלעכקייט.

דאָס זענען ס׳רוב נישט־דערבאַקענע אינטעליגענטן, וואָס האָבן זיך געגריבלט און געגראַבלט אין דער טראַגיק פון דער אייגענער אומבאַהאָלפנקייט, געוואָלט איבערקליגלען דאָס נאָרמאַלע לעבן און געבליבן שטענדיק פון הינטן.

זײַן העלד פליגלמאַן, דער מאַן מיט די צעבראָכענע פליגל, איז אַרײַן אין דער פאַמיליע ייִדישע טיפּן, וואָס די ליטעראַטור האָט אויסגעבאָרגט דער ייִדישער באַגריפן־טערמינאָלאָגיע. אין דער אמתן איז זײַן ליטעראַרישער סקעפּטיציזם נישט שטענדיק געווען אַ קאַטעגאָרישער און אַ פאַרצווייפלטער. פאַראַן בײַ אים אויך גוטמוטיקייט און ווייכקייט, ספּעציעל בײַם שילדערן פּרוויענטיפּן, אָבער אין אַלגעמיין איז דער טיפּאַזש פון זײַנע געציילטע בעלעטריסטישע ווערק אַ נישט־באַפרידיקטער, אַ רעזיגנירטער און אַ האָפנונגסלאָזער.

ער האָט ריכטיק אויפגעכאַפּט די צעפאַלונג־טענדענץ פון די אַסאָציאַלע כאַראַקטערן און פון דער מאָראַליש־אויסגעליידיקטער בירגערלעכער משפּחה, אָבער קיין אויסוועג האָט ער נישט געזען און דערפאַר — דער דאָזיקער טאָן פון אָפּגאַנג און פון אָפּגעלעבטקייט.

אין זײַן עסייִסטיש־פּעלעטאָניסטישן שאַפן איז זײַן געזעל־

מצבה פון ה. ד. נאָמבערג

שאַפטלעכע קריטיק געווען אַ מער קאָנסטרוקטיווע און האָפערדיקע. ער האָט אָפט געשניטן מיט איראָניע און שׂכל־הישרדיקייט, און דעפינירט דרײַסט דאָס בייז. אין משך פון 25 יאָר זשורנאַליסטישער גרויסאַרבעט האָט זײַן וואָרט געווירקט און אָפט מאָל אײַנגעשטעלט נאָרמעס.

פון ווײַטן ליטווישן שטעטל איז אַראָפגעקומען קיין וואַרשע דער אימפעטפולער אברהם רייזען און זײַן פערז האָט זיך גלײַך גענומען באַוועגן אויף מוזיק. די פאָלקסטימלעך־מעלאָדישע מוזיקאַלישקייט פון זײַן פערז איז געווען דאָס מאַגישע דרעטל מיט וועלכן דער דיכטער האָט אויפגעבראָכן אפילו יענע פאַרפאַנצערטע יִדישע אויערן, וואָס זענען אויף זיבן שלעסער פאַרהאַקט געווען פאַרן יִדישן דיכטערישן וואָרט. מיטן כוח פון דער אינערלעכער און אויסערלעכער מוזיקאַלישקייט פון זײַן פערז האָט ער אַרײַנגעהויכט שטילווינטלדיקן טרויער און פרייד, עמאָציע און אויפרודערונג אין יִדישע הערצער, און אַרויסגערופן נישט נאָר רעספּעקט נאָר אפילו סענטימענט צו דער אויפגייענדיקער יִדישער פּאָעזיע.


אברהם רייזען

אין גרונט גענומען וואָלט מען זיך געדאַרפט וווּנדערן, וואָס גראָד דער דאָזיקער טרוקענער ליטוואַק, דער דאָזיקער דיכטער וואָס האָט געשטאַמט פון דער אָרעמער, זאַמדיק־שטיינערנער, גריקענער, גרויפענער און קאָרענער ליטע, ווּ דאָס יִדישע לעבן איז אָפגעגאַנגען אין נויט, מיט „הערינג” און „בולבע”, האָט אַרײַנגעבראַכט אַזאַ מין פרישקייט, לייכטקייט און צעזונגענקייט אין דער יִדישער ליטעראַטור ,בפרט נאָך אַז זײַן פּאָעטישע טעמאַטיק האָט ער אַרויסגעגראָבן פון אונטער בערג מיט יִדישן עלנט, אומעט און נויט. ווער עס קען אָבער ליטע, ווייס, אַז דער ליטווישער ייִד האָט זיך אויסגעצייכנט נישט נאָר מיט זײַן אינטעלעקטועלער פאַרטיפטקייט, קאַלטן שאַרפזין און פיקחותדיקער למדנישקייט, נאָר אויך מיט שאַרפער עמאָציע און טיפער, גײַסטיק־געלייטערטער, פּאָעטישער שפירעוודיקייט.

אין רייזענס דיכטונג האָבן גלײַך פון אָנהייב גענומען קרײַזן פאַרשידענע מאָטיוון: סאָציאַלע עלעגיע, יחידישער טרויער, ראָמאַנטיק פון יִדישן עלנט, יוגנטלעכע פאַרצווייפלונג, טרוימערישע ליבע און סאָציאַלער אויפברויז. מער פון אַלץ האָבן גרויס געמאַכט רייזענען זײַנע סאָציאַל־קעמפערישע געזאַנגען, וואָס זענען, איבער פאַרטייען און ריכטונגען, געוואָרן אמתע הימנען פון פרײַהייט און וואָס האָבן געטראָגן באַהאַלטענערהייט אין זייערע קנייטשן די העלפאַרביקע שטרעבונגען פון די יִדישע מאַסן, וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט לאָזן דערווערגן דורך די צאַרישע לאַפּעס.

רייזענס לידער זענען נישט באַגלעקלט און נישט באַפרענדזלט, און מאַכן דערפאַר אָפט דעם אײַנדרוק פון סטיליזירטער פאָלקסשאַפונג. פון דאַנען נעמט זיך אויך זייער מעלאָדישקייט, זייער שטרעבונג צו באַהעפטן זיך מיט מוזיק.

רייזענס קורצאָטעמענדיקע, פּירשורהדיקע סטראָפע, וואָס טענצלט אונטער אויף אירע לײַכטע פערזנפיס, קען מען דערקענען פון דער ווײַטסטער ווײַט. עס שלעפן זיך איר נישט נאָך קיין קינסטלעך־געקרײַזלטע לאָקן און מען זעט אויך נישט בײַ איר קיין אײַנגעבוירענע אָדער דערוואָרבענע צעשויבערטקייט. רייזענס לידער זענען שטענדיק אָפגעשוירן קורץ, אַזוי קורץ, אַז מען דאַרף נישט זוכן צי זיי האָבן אַ שרונט אויף וועלכן דעם לייענערס געדאַנק אָדער געפיל זאָל זיך קענען באַוועגן, כדי צו טרעפן זיך מיט דעם וואָס רייזען האָט אויסגעדריקט. דער זין פון זײַן יעדן ליד איז אַנטבלויזט פאַר אַלעמען.

רייזענס פשטות און קאָרעקטקייט, זײַן זוכן דעם פרט אין לעבן און זײַן אָפגעבן זיך דער יחידישקייט האָבן אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַריבערגעוואַנדערט פונעם ליד אין דער דערציילונג און געפונען דאָרט אַ פאַראַלעלען פּראָזאַישן וועג פאַר זײַנע איבערלעבונגען און פאַר דער מער פרײַער אויסלאָדונג פון זײַנע געפילן. די דערציילונגען צייכענען זיך אויס מיט זייער פײַנעם אינהאַלטלעכן אײַנפאַל, מיט דעם איראָניש־באַזאַכטן הומאָר, וואָס גייט אַרום אויף די שפּיץ פינגער צווישן די שורות און מיט דער דיכטערישער אינספּיראַציע וואָס איז אָפט מאָל פאַראַן אין זיי.

רייזענס פאָלקסטימלעכע ליריק און זײַן מעלאָדישער אומעט, זײַן שטילער קאַמפסגײַסט און זײַנע סאָציאַל־עטישע אײַנשטעלונגען האָבן גלײַך פון אָנהייב געטראָפן צום געמיט פון יִדישן פאָלקסמענטש, וואָס האָט דערשפירט דעם אייגנאַרטיק־עמאָציאָנעלן שטראָם פון רייזעניזם, פון גוטן איבערגעגעבענעם און אייגענעם רייזעניזם, וואָס לעבט אַזוי נאַטירלעך ווי עס לעבט די מוטערשפראַך בײַם פאָלק אין מויל.

דער דאָזיקער פּאָעט האָט איבעראַשט מיט נאָך אַ נישט־פּאָעטישן שטריך: פון זײַנע ערשטע יוגנטיאָרן אָן איז ער געווען באַזעלט מיט אונטערנעמערישקייט, נישט אויפן פערזענלעכן געביט און נישט לטובת זיך אַליין, נאָר לטובת דעם געזעלשאַפטלעכן אָנזען פון נײַעם, קוים אויף די פיס שטייענדיקן יִדישן וואָרט, וואָס האָט וווּנדערקינדעריש גענומען וואַקסן, אָבער וואָס איז נאָך געווען שוואַך אין די עלנבויגנס...

זײַן גרינדן אין וואַרשע דעם „דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט”, אויפן סאַמע שוועל פון דאָזיקן יאָרהונדערט, איז בלויז געווען אַן אָנהייב. שפּעטער ערשט האָט דער דאָזיקער קליינשטעטלדיקער קיידאַנאָווער יונגער־מאַן צענומען די הענט: אין פיר לענדער האָט ער במשך פון 20 יאָר, געגרינדעט אַכט ערנסטע, וואָגיקע צײַטשריפטן. מען קען זאָגן אַז קיין איינער פון די יִדישן שרײַבער, נישט אפילו פּרץ און שלום־עליכם, האָט זיך אַזוי פיל באַמיט און אַזוי פיל „זיך געשניטן אין ביין” פאַר דער אָרגאַניזירונג פון אַ יִדישן צײַטשריפט־וועזן און פאַר דער אַרויסהייבונג פון אַן ערנסטער ליטעראַרישער טריבונע.

אמת, די מערכה פון די אַלע צײַטשריפטן איז נישט געווען קיין מזלדיקע. רייזען האָט נישט געהאַט די גרויסע אויטאָריטעט צו פאַרוואַנדלען זיי אין אָרגאַנען פון וואָגיקער וואָרטזאָגערישקייט

און האָט נישט געהאַט קיין מאַטעריעלע מעגלעכקייטן צו פאַרהיטן זייער יונגן געביין פון שנעלן אונטערגאַנג, אָבער דער עצם פאַקט פון נישט אַנטווישן זיך, פון זוכן אָן אויפהער געזעלשאַפטלעכן קאָנטאַקט צווישן ליטעראַטור און לעבן, איז געווען אַ באַווײַז פון רייזענס בטחון אין יִדישן וואָרט, פון זײַן ליטעראַרישן אימפעט און אונטערנעמערישן אומרו.

פון זעלבן יִדיש־פוילישן הינטערלאַנד איז געקומען דער ערשטער רעאַליסט פונעם שטעטל י. מ. ווײַסענבערג, וואָס האָט אַרײַנגעבויט אין דער יִדישער ליטעראַטור אַ פויליש שטעטל ווי עס שטייט און גייט, מיט זײַן נאַטירלעכן אויסזען, מיט זײַנע סאָציאַלע אומחנען, מיט זײַנע שאַרפע קלאַסן־אונטערשידן און דער עיקר — מיטן ערב־רעוואָלוציאָנערן צײַטגײַסט וואָס האָט אַ טרייסל געטאָן די פאַלשע געזעלשאַפטלעכע האַרמאָניע און די כלומרשטע אידילישע שלווה פונעם שוואַרצחנעוודיקן שטעטעלע...



י. מ. ווײַסענבערג

די בעל־מלאכהשע און פראָלעטאַרישע געשטאַלטן וואָס ער ברענגט אַרויס אין זייער גאַנצער פאָלקסטימלעכקייט, פילן אויס אויף אַ נאַטירלעכן אופן די טאָג־טעגלעכע לעבנס־ווירקלעכקייט מיט זייער פרימיטיווער לײַדנשאַפט, דאָרשט נאָך גערעכטיקייט און דראַנג צו באַפרידיקן די רויע אָבער געזונטע אינסטינקטן.

דאָס קלאַסן־קעמפערישע פאַרהאַרטעוועט־ווערן פון דער פראָליטעראַרישער יוגנט פנים־אל־פנים מיט דער תקיפותדיקער קאָליציע פון בעל־הביתישן געזינדל און פון דער צאַרישער סאַטראַפיע, איז איינער פון די הויכפונקטן אין ווײַסענבערגס סאָציאַלן רעאַליזם. ווײַסענבערג האָט דער ערשטער אַרײַנגעבראַכט אין דער יִדישער ליטעראַטור דעם רעוואָלוציאָנערן ערב־פרילינג און אַרײַנגעבראַכט האָט ער אים דירעקט פון לעבן און פון דער יונגהאַרציקער טרוימערישקייט פון נײַעם קעמפערישן דור.

צוזאַמען מיט זײַנע פאָלקסגעשטאַלטן האָט ווײַסענבערג אויך אַרײַנגעבראַכט זייער פאָלקסיִדישקייט, — דעם קלאַנגפולן און זאַפטיקן יִדיש פון טיפפוילישן שטעטל. דאָס איז נישט געווען בײַ אים קיין סטיליזירנדיק הנדל, קיין געיעג אויף פאָלקלאָריסטיק און אוודאי נישט קיין נאַטוראַליסטיש קוויקן זיך מיט זעלטענע שפראַך־אויסטערלישקייטן. ער האָט פשוט און אָן באַזונדערע אָנשטרענגונגען פאַראייגנט ליטעראַריש די פאָלקסשפראַך, נישט מאַכנדיק זי געדיכטער ווי זי איז געווען אין לעבן און נישט מיסברויכנדיק מיט „אינטערעסאַנטע" צוגעשמינקטקייטן.

ווײַסענבערגס שאַפן האָט אָבער אויך אַ משונהדיקע שאָטנזײַט. מיר מיינען דאָ נישט די אויסגעטראַכטע מוסר־השכלדיקע אָדער נסיונדיקע דערציילונגען, מיט וועלכע ער האָט אָנגעהויבן אַראָפצוגיין פון זײַן פעסטן רעאַליסטישן דרך, נאָר דער עיקר — זײַן אַרײַנטאָן זיך אין פראָבלעמען־זוכערײַ.

נישט זײַענדיק קיין קאָנסעקווענטער פראָגרעסיוו־באַוווסטזיניקער מענטש, איז ער, סײַ אין זײַנע בלאַסע דראַמעס און סײַ אין זײַנע אָנגעפלאָנטערטע ראָמאַנען פון טיפ „אין דער טיפער אייביקייט", פאַרקראָכן אין מעטאַפיזיק, אין חקירות, אין כאַאָטישער געדאַנקען־אַקראָבאַטיק און ממילא פאַרלוירן אַלע קונסט־ און שפראַך־אַטריבוטן פון זײַן קערנדיקן רעאַליזם, וואָס איז געווען דער היפוך פון אַבסטראַקטער „אייביקייט" און פון אויסגעמוחטער „טיפקייט".

אין דעם דאָזיקן אומכאַראַקטעריסטישן טייל פון זײַן שאַפן האָט ער אַליין געוואָלט זײַן דער וואָרטזאָגער, דער אַרויסברענגער פון זײַן אייגענעם געדאַנקען־גאַנג, אין דער צײַט וואָס די קראַפט פון זײַן שאַפן האָט געוואָרצלט נישט אין פערזענלעכער וואָרטזאָגערישקייט נאָר אין רעאַליסטישן ווײַזן דעם אמת פונעם פראָסטן אָרום.

אין לעבן האָט ער זיך דעמאָנסטראַטיוו געהאַלטן אָן אַ זײַט, אויף אַ פאָזיציע פון יחידיש־סעקטאַנטישן קאַמף קעגן אַלץ און אַלעמען. ער האָט זיך, אויף אַן אומגעזעלשאַפטלעכן אופן, איזאָלירט פון דער שרײַבערישער סביבה פון וואַרשע, געפירט אַ לעבערלעך־פאַרביטערטן קאַמף קעגן די ליטוואַקעס און נישט קעגן די אמתע בירגערלעך־צינישע פאַראומווירדיקער פון דער ליטעראַרישער סביבה, און פאַרשפאַרט זײַן מאַכט אין אַן ענג־פערזענלעכן פאָנעטישן אויסלייג, ווי דאָס איז ספעציעל געקומען צום אויסדרוק אין זײַן צולהכעיס־אָרגאַן „אינדזער האָפענונג".

דאָס שאָלעכצדיקע און דאָס פעריפערישע אין ווײַסענבערגס שאַפן, אין זײַן אופן פון רעאַגירן אויף פאַרשידענע דערשײַנונגען, פאַרמינערן אָבער נישט אויף אַ האָר זײַן גרויס־רעאַליסטישן בײַטראָג צו דער יִדישער ליטעראַטור אין פוילן, צום עכט־קינסטלערישן בילד פון יִדישן שטעטל.

צווישן אַ רײַ אַנדערע שרײַבער פון דער פרץ־תקופה, ס'רוב פון זיי אַ ביסל שפעטער צוגעקומענע, האָבן זיך געפונען:

דער פרץ־ענטוזיאַסט אפרים קאַגאַנאָווסקי, איינער פון די ווייניקע אויטענטישע וואַרשעווער צווישן די שטעטל־אָפשטאַמיקע שרײַבער.

אויף אַ שפילעוודיקן, שטימונגפולן און לײַכט־פסיכאָלאָגישן אופן האָט ער אַרויסגעסקיצירט פון דער וואַרשעווער אָרעמקייט, אונטערוועלט און קליינבירגערטום אַ ריי געשטאַלטן, וואָס ווי שטריכנמעסיק און בלײַפעדערדיק־סכעמאַטיש זיי זענען נישט סקיצירט געוואָרן, איבערצײַגן זיי מיט זייער לעבעדיקן אמת און ווירקן מיט זייער לויטערקייט, געמיטלעכקייט און קלאָרקייט, ווי ס'ווירקט אַ פרימאָרגנדיקער וואַלס אָדער ווי אַ נאָר לײַכטער קאַווקאַזער ווײַן.

שלמה גילבערט, אויף וועמען פרץ האָט געזאָגט אַז ער „טראָגט דעם הויקער פון 2000 יאָר יִדישקייט" און וועמען די הענדלערקעס פון „אײַזערנעם טויער" האָבן געהאַלטן פאַר אַ מין למד־וואָווניק, האָט זיך אַ גאַנץ לעבן געראַנגלט מיט אַ שווערער מיסטיש־טראַדיציאָנעלער קולטור־ירושה און מיט נאָך אַ שווערערן טובערקולאָז.

אין זײַנע עלעגישע און סובטעלע נאָוועלן האָט ער געפרוּווט אַרויסברענגען אָרנטלעכע, שטילע פאָלקסמענטשן אויפן פאָן פון דער געזעלשאַפטלעכער אומגערעכטיקייט, אויסנוצערײַ און פאַרכאַפערישקייט. פאַר איין וועגס האָט ער געגעבן פײַנע און פרישע שילדערונגען פון פוילישן דאָרף. בײַ אַלע געלעגנהייטן האָט ער זיך, מיט זײַן גאַנצן האַרצן, געפונען אויפן צד פון די סאָציאַל־באַעוולטע. שפעטער צו האָט ער זיך אַרײַנגעטאָן אין אָקולטיזם און ספיריטיזם, וואָס האָבן אים כמעט ווי אַוועקגעריסן פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אַ פרוכטיקער, אָבער צעשויבערטער און כאַאָטישער שרײַבער איז געווען **יואל מאַסטבוים**. פול מיט טעמאַטיק און מיט ברויזיקער שטראָמיקייט, אָבער אָן קיין שום ליטעראַרישער קולטור, האָט ער געהאַט די אַמביציע צו געבן, מיט אַן אייראָפעיִשן פאַרנעם, ריזיקע שטיקער פון ייִדישן לעבן: אַזוי אין זײַן ראָמאַן „דרײַ דורות”, וואָס איז פאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ ליטעראַריש־פסיכאָלאָגישער קווערשניט דורך דער סאַמע דינאַמישסטער און קאָמפליצירטסטער עפאָכע אין מאָדערנעם ייִדישן לעבן; אַזוי אויך אין „נחומקעס וואַנדערונגען” — אַ ווערק וואָס נעמט זיך אויסוויקלען אין פאַרוואָרפענעם שטעטל און דערגייט אַזש צו די בוענאָס־אײַרעסדיקע טמאים.

דער אינטערעסאַנטער, פרטימדיקער מאַטעריאַל, מיט וועלכן מאַסטבוים האָט באַוויזן אָנצופילן זײַנע ווערק, וואָלט אין די הענט פון אַ גרעסערן קינסטלער, שפראַכמײַסטער און ליטעראַרישן אַרכיטעקטאָר געגעבן מער אימפאָזאַנטע רעזולטאַטן. עס האָט אים געפעלט חוש פאַר סעלעקציע, פאַר וואָקאַבולאַרן און סטיליסטישן צימצום, פאַר גענויערן קאָמפאָזיציאָנעלן פאָטאָ־מאָנטאַזש און פאַר געניטער און שכלדיקער פונאַנדערטיילונג פונעם לעבנסשטאָף, וואָס ער האָט אָפט פאַרוועבט מיט צעצויגענע וויזיעס, אויסגעחלומטקייטן און אַן אָנשיט פון סתם זכרונות און זײַטיקע איבערלעבונגען.

די שרײַבער וואָס האָבן זיך גרופירט אַרום פרצן האָבן נישט געשאַפן דאָס וואָס מען איז געוווינט צו באַצייכענען מיטן טערמין „ליטעראַרישע שול”, אין זינען פון האַלטן זיך בײַ געוויסע גרונדאידעען און גרונדפרינציפן בנוגע שרײַבערישן נוסח, און אפילו בנוגע אינהאַלטלעכע צילן פון באַזונדערע ליטעראַרישע ווערק.

עס האָט זיי אויך נישט געבונדן קיין שום קאָנקרעטע אידעאָלאָגישע קרובישאַפט דאָס וואָס די פרץ־אַטמאָספער און די פרץ־שטימונג האָט בײַ זיי אַלעמען געשאַפן, איז געווען די געמיינשאַפטלעכע אָנונג פון אַ גרויסן ליטעראַרישן אויפקום און אַ געוואַלדיקע ליבע צום פענאָמענאַל־וואַקסנדיקן ייִדישן מאַמע־לשון, וואָס האָט טאַקע מיט זייער אַלעמענס הילף באַקומען דעם טשערנאָוויצער אַטעסטאַט פון נאַציאָנאַלער דערוואַקסנקייט. אויסער דעם האָט, פון אָנהייב, כמעט בײַ יעדן פון זיי געטלִיעט אַ געפיל פון סימפאַטיע צו דער נײַ־היסטאָרישער צײַט און צו איר רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד, הגם שפעטער צו, אין די נאָכרעוואָלוציאָנערע צײַטן, האָבן אַ סך פון זיי מיטגעמאַכט די מאָדע פון די אינטעליגענטישע גאָטזוכענישן, פון די ענג־פסיכאָלאָגישע און סימבאָליסטישע גריבלענישן און פון אָפקערן זיך פון לעבעדיקן איצט אין נאָמען פון אייביקער שיינקייט אָדער ייִדישער אייביקייט...

נאָמבערג, זשיטלאָווסקי, אש, פרץ און רייזען אויף דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ

די אומאָפהענגיקע וואַרשע און איר ליטעראַרישער לעבנסוועג

די אימפעריאַליסטישע מלחמה, די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און דאָס אויפקומען פון אומאָפהענגיקן פוילן האָבן, מיט זייערע אומגעוויינטלעכע געאָגראַפישע, דעמאָגראַפישע, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע ענדערונגען, אויך אַ שטאַרקן מיש געטאָן דאָס ייִדישע לעבן און אַ שטויס געטאָן עס נאָך נענטער צום פאָדערגרונט פון דער נײַער געשיכטע.

אַלץ האָט אויסגעזען אַזוי פריידיק, אַזוי איבערקערעריש, אַזוי פאָרויסלויפנדיק. דאָס אומפאַלן פון דער צאַרישער טיראַניע, די רעוואָלוציאָנער־העראָיִשע ראָמאַנטיק פון אָקטאָבער, די נאַציאָנאַלע פאַרווירקלעכונג פון די דורותדיקע פוילישע אומאָפהענגיקייט־טרוימען, די פײַערלעך־פראָקלאַמירטע פאָסטולאַטן פון בירגערלעכער פרײַהייט און די אינטערנאַציאָנאַלע אָנערקענונג פון די רעכטן פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן — דאָס אַלץ האָט צעוואַרעמט די געמיטער פון דער ייִדישער יוגנט און האָט גאָר הויך אויפגעהויבן איר לויטערן אידעאַליסטישן לעבנס־אימפעט.

דער פאַקט וואָס דאָס אויפקומען פון פוילן איז פאַרשוועכט געוואָרן מיט שאָוויניזם, אַנטיסעמיטיזם, פאָגראָם־העצע און פריציש־שליאַכעצקער שנאה צום אָקטאָבער־לאַנד האָט ראַדיקאַליזירט אַ גרויסן טייל פון דער ייִדישער יוגנט און נאָך מער אויסגעאיידלט

און פאַרפעסטיקט איר אידעאַל פון אַ הומאַניסטיש פּאָלקספּוילן. אין דער זעלבער צײַט איז דאָס ייִדישע בירגערטום געווען האַלב־גלײַכגילטיק צו די היסטאָרישע ענדערונגען. אין די האָניק־חדשים פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע האָט די ייִדישע בורזשואַזיע געפּרוּווט צו זײַן משיחיש פאַרשכורט, אָבער שפּעטער האָט זי דעם גאַנצן פּראַקטישן ציוניזם איבערגעלאָזט אויפן באַראָט פון די אָרעמע חלוצישע ייִנגלעך . . . וואָס שייך דער אַסימילאַציע, איז זי דאַן געווען אַזוי קליינאינדזלדיק אין די גרענעצן פון איר גרויסשטאָטישקייט, אַז זי האָט זיך נישט אָנגעזען צווישן די קאָמפּאַקטע פּאָלקס־ייִדישע מיליאָנען.

וואַרשע, וואָס איז פון אַ פּראָווינציעלער שטאָט אין אַ סאַטראַפּישער אימפּעריע געוואָרן אַ הויפּטשטאָט פון אַן אומאָפּהענגיק לאַנד, האָט דורך איר נײַער אַלגעמיינער פּאָזיציע גענומען ווערן אויך די צענטראַלע פּאָזיציע אין ייִדישן מאַסן־ייִשוב און במילא אין זײַן קולטור־לעבן.

די גרויסע ייִדישע באַפעלקערונג פון די שטיקער ליטע, אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד, וואָס זענען אַרײַן אינעם געוועב פון דער נײַער מלוכה, האָבן צוזאַמען מיטן אויטענטישן פּוילישן ייִדנטום, אויסגעפאָרמירט דעם דאָזיקן נײַעם ייִדישן ייִשוב פון איבער 3 מיליאָן מענטשן. די באַזונדערע באַשטאַנדטיילן זײַנע, וואָס האָבן זיך שטאַרק אונטערשיידט צווישן זיך מיט זייערע געוווינהייטן, מיט זייער קולטור־אָנלאָדונג און מיט זייער ייִדיש אפילו, האָבן זיך אין פאַרלויף פון די געמיינזאַמע פּוילישע יאָרן גענומען פאַראײנהײַט־לעבן, און וואַרשע האָט, פאַרשטייט זיך, געשפּילט אַ צענטראַלע ראָלע אין דער דאָזיקער אינערלעך־ייִדישער צווישן־„אַסימילאַציע”, ספּעציעל אויפן קולטור־געביט.

אין וואַרשע האָבן זיך קאָנצענטרירט ייִדישע קולטור־כוחות נישט נאָר פון אַלע נײַ־פּוילישע עקן פון לאַנד, נאָר אויך פון דערבײַיִקן אויסלאַנד. פון רוסלאַנד, ליטע און עסטרײַך זענען אין דער הויפּשטאָט פון נײַ־אויסגעפאָרמירטן ייִדישן מאַסן־ייִשוב אַרײַנגעדרונגען יחידים און גרופּעס, ווי למשל די גרופּע פון דער קיִעווער „קולטור־ליגע”, וואָס האָט גלײַך נאָך איר אָנקומען אין וואַרשע, אין יאָר 1921, פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם שעפערישֿ־אָרגאַניזאַטאָרישן אָרט אין ייִדישן קולטור־לעבן.

ס'איז כדאַי צו באַמערקן אַז גראָד אָט די פּעריפערישע, נישט־פּוילישע און אויסלענדישע גרופּעס האָבן זיך צום מערסטן און צום ענערגישסטן אַנגאַזשירט אין שאַפן די לאַנדבאַזעס פאַר דער ייִדיש־וועלטלעכער קולטור, וויסנשאַפט און ליטעראַטור. זיי האָבן אַרײַנגעבראַכט ברען און דינאַמיק אין דער פּויליש־ייִדישער געמיטלעכקייט און באַזאַכטקייט.

גאָר שנעל איז וואַרשע געוואָרן דער קולטור־צענטער פון אַ ייִשוב, וואָס האָט אָפּגעצייכנט זײַן קולטור־אַקטיוו מיט 300 דערשינענע ביכער אַ יאָר, מיט 15 טעגלעכע צײַטונגען, 30 וואָכנבלעטער, הונדערטער ייִדישע פאַרלאַגן און קולטור־צענטערס און ביבליאָטעקן. מיט דעם אַלץ איז באַדינט געוואָרן אַ לייענערשאַפט און אַ יוגנט, וואָס די גאַנצע נשמה זייערע און אַלע זייערע פאַראינטערעסירונגען האָבן נישט געוווּסט פון קיין אַנדער אויסדרוק־מיטל ווי ייִדיש.

דער וואַרשעווער צענטער, צוזאַמען מיט די גרויסע, אייגנאַרטיקע סובצענטערס פון ווילנע, לאָדזש און לעמבערג, האָט גלײַך פון אָנהייב דערפילט אַרום זיך דעם נײַעם מאַסן־פאַרבראַוכער, דעם לײַדנשאַפטלעכן פאָלקס־קאָנסומענט פון ייִדישער קולטור. דערפאַר האָט איינע פון די ערשטע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, — די „קולטור־ליגע”, — אַזוי פאָרמולירט אירע צילן אין איר ערשטן מאַניפעסט:

„באַשאַפן בײַ ייִדן אַ ברייטע, אומפּאַסנדיקע ,מאָדערנע קולטור, מיט אַלע אירע קאָלירן און ניואַנסן, מיט אַלע אירע דערגרײַכונגען און זוכענישן פאַר די ייִדישע מאַסן, וואָס גייען אַרויס פון טונקעלן הינטעראויוון צו דער ליכטיקער זון פון דער מאָדערנער וועלטקולטור”. פון דער צווייטער זײַט: „אַרויסשעפּן פון דער ייִדישער מאַסע אירע באַהאַלטענע שאַפונגס־כוחות, געבן אַ מעגלעכקייט די טאַלאַנטן, וואָס אונדזער מאַסע רוקט אַרויס, צו וואַקסן און געדייען, פונאַנדערצוּוויקלען זייערע מעגלעכקייטן”.

וואַרשע איז אויך געוואָרן אַ וועלטצענטער פון דער גאַנצער ייִדישער ליטעראַטור, צוזאַמען מיט די יונגע וועלטצענטערס פון מאָסקווע און ניו־יאָרק. שרײַבער פון ראַטן־פאַרבאַנד און פון צפון־אַמעריקע פלעגן זיך באַווײַזן און אפילו פאַרזאַמען אין וואַרשע, און שרײַבער פון פּוילן האָבן עמיגרירט סײַ קיין ראַטן־פאַרבאַנד (צוליב ריין־אידעאָלאָגישע מאָטיוון, פאַרשטייט זיך) און סײַ קיין צפון־אַמעריקע (צוליבן אידעאַל פון ליטעראַרישע פּראָפיטן).

וואַרשע — דער ייִדיש־פּוילישער וועלטצענטער, דער קנופּפּונקט פון יונגן, קולטור־דינאַמישן מאַסן־ייִשוב, איז געלעגן צווישן צוויי וועלטן: דער גרויס־קאַפּיטאַליסטישער און גרויס־סאָציאַליסטישער. די אייגענע היימישע פאָלקס־אָרעמקייט און וואַקסנדיקע רעכטלאָזיקייט האָבן נישט געשטערט די ייִדיש־לעבנדיקע און ייִדיש־רעדנדיקע מיליאָנען צו זײַן אײַנגעגלויבט אין דער נײַער גרויסער צײַט בפרט אַז אפילו אין גרויס־קאַפּיטאַליסטישן ניו־יאָרק איז די ייִדישע קולטור, אין יענע פריִע צוואַנציקער יאָרן, געשטאַנען מיטן פּנים צום נײַוועלטיקן מזרח, אויף אַזוי ווײַט, אַז אַלע ווערטפולע ייִדישע שרײַבער זענען געווען מיטאַרבעטער פון דער „מאָרגן־פרײַהייט” און פון פּראָלעטפּענישן „האַמער”.

די ייִדישע ליטעראַטור אין די ערשטע יאָרן פון נײַעם פּוילן איז, מיט אירע דריבנע קליינבירגערלעכע טריטעלעך, געבליבן הינטערשטעליק, נישט מיטגעגאַנגען מיט דער נײַער צײַט. וועגן פאַרלויפן דעם וועג דער נײַ־געשיכטלעכער עפּאָכע אויף אַ וויזיאָנערישן אופן האָט גאָר קיין רייד נישט געקענט זײַן.

די צוויי וויכטיקסטע שרײַבער וואָס זענען איבערגעבליבן פון דער פּרץ־תקופה, נאָמבערג און ווײַסענבערג, זענען געווען ווײַט פון וועלן און קענען אײַנשטעלן וואָרטזאָגערישע, אידעיִשע אָדער נײַקינסטלערישע נאָרמעס. נאָמבערגס בעלעטריסטישע מעגלעכקייטן זענען שוין געווען אויסגעשעפּט, און ווען אפילו זיי וואָלטן נישט געווען אויסגעשעפּט, וואָלטן זיי אַלץ איינס נישט צונויפגעפאַלן מיט די האָפענונגען און מיטן לײַדנשאַפטלעכן בטחון פון נײַעם דור. זײַן פײַנע בירגערלעכע פּעליעטאָניסטיק האָט קיינעם נישט געקענט באַפליגלען אָדער דערוואַרעמען. וואָס שייך ווײַסענבערגן, האָט זיך שוין געהאַלטן בײַ אים אין אָפּקילן זײַן טיף־סאָציאַלער נאַטוראַליזם און, פון דער צווייטער זײַט האָט ער זיך אַרײַנגעטאָן אין זײַן קליינלעך־אומזיניקן אַנטיליטוואַקישן קאַמף . . .

עס זענען געווען אַנדערע שרײַבער וואָס זענען געוואָרן תושבים אין דער ייִדישער ליטעראַטור לאַנג פאַר דער מלחמה און וואָס האָבן אָנגעהויבן ברייטער צו ווירקן אין די נאָכמלחמה־יאָרן.

אַזאַ איז געווען ז. סעגאַלאָוויטש. אָבער קיין שום פּאָזיטיווער צייכן פון דער נײַער תקופה איז נישט אַרײַנגעדרונגען אין זײַנע

ווערק. ער האָט זיך אין גאַנצן פאַרקליבן אונטער דער טשערעפּאַכע־שאָל פון זײַנע אינדיווידואַליסטישע שפּירונגען, בענקענישן און אַנטוישונגען, איזאָלירנדיק סײַ זיך, אין זײַנע אויטאָביאָגראַפישע ווערק, און סײַ זײַנע העלדן פון דער געזעלשאַפטלעכער פּראָבלעמאַטיק און אוודאי פונעם צײַטגײַסט.

„זייער וועלט און זייער טומל" — האָט ער אָנגערופן אין „דאָס אַנאַרכיסטישע מיידל" די סאָציאַל־פּאָליטישע לעבנס־פּראַגעס און די צווישנמענטשלעכע כלל־אינטערעסן. אין „אונדזער פרוי" זאָגט ער קלאָר און אָפן אָט וואָס:

„ווען איך קוק מיט מײַנע ברילן, דעמאָלט מוז איך אײַך זאָגן, אַז איך בין עגאָיִסטיש גלײַכגילטיק צו אַלע רעוואָלוציעס און איבערקערענישן. איך בין מיר אַ וועלט פאַר זיך. איך גלייב נישט אין קיין משיח. מענטשן זענען גוט און שלעכט פון דער נאַטור. אַזוי ווי וואַסער און פײַער וועט בלײַבן, אַזוי וועלן אויך פאַרבלײַבן די צוויי געפילן. דאָס איז שוין געזאָגט געוואָרן און איך, קליין מענטשעלע, חזר עס איבער".

ער איז שטענדיק פאַרבליבן אַן אינעווייניק־אָפּגעגרענעצטער, אַן „אייביק איינזאַמער" און נישט געביטן זײַנע „ברילן"... געשילדערט האָט ער פונקט אַזוינע שאָטנדיקע געשטאַלטן, וואָס זענען אפילו נישט דערגאַנגען צו ווערן טיפּן אָדער כאַראַקטערן, ווײַל אויך דאָס דירעקטע אַרויסברענגען מענטשן איז בײַ סעגאַלאָוויטשן אַרויסגעקומען פלאַך, סענטימענטאַל, פּסיכאָלאָגיש־רוי, קינסטלעריש־שוואַך, אָפּגעריסן פון אַ באַווירקנדיקער סביבה. די פרוי שילדערט ער נישט ווי אַ פולווערטיקן מענטשן, נאָר ווי אַ וועזן וואָס איז כסדר דאָמינירט פון אינסטינקטן, פון אומסטאַבילע ליבע־רעפלעקסן און פון אומפאָרויסגעזעענע קאַפּריזן.

אפילו אין איינעם פון זײַנע לעצטע ראָמאַנען, אין „דעם ווערעם טאָכטער", וואָס דאַרף שילדערן די רעוואָלוציע פון 1905 אויפן שטח פון די ביאַליסטאָקער פּראָלעטאַרישע „כאַנאַיקעס", זענען די רעוואָלוציאָנערע טעג כמעט ווי נישטאָ אין בוך. די רעוואָלוציאָנערן זעט מען נישט, זיי זענען עפּעס ווי שרעקשאָטנס וועגן וועלכע מען רעדט ווי וועגן מענטשן וואָס זענען „פון הימל אַראָפּגעפאַלן", ווי וועגן „פרעמדע געשטאַלטן"...

סעגאַלאָוויטש האָט מיט זײַנע סענטימענטאַל־פּײַנפולע ראָמאַנען געוווּנען דאָס נאַיִווע האַרץ פון ווייניק־אַנטוויקלטן און ווייניק־פאָדערנדיקן פאָלקס־לייענער, און עס זענען געווען ביכער זײַנע וואָס זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין 25000 עקזעמפּלאַרן, אָבער די באַוווּסטזיניקע יוגנט און די ליטעראַטור־קריטיק האָבן זיך ווײַט נישט געגרויסט מיט אים. אין די העכערע קולטור־ספערעס, אפילו אין די בירגערלעכע, און אין די ייִדישע שולן האָט מען זײַנע ווערק כמעט ווי איגנאָרירט.

י. פערלע, אַ קרעפטיקער פּלאַסטישער שילדערער, האָט אַרויסגעבראַכט צום ערשטן מאָל אויף אַ קינסטלערישן און אויך אומקינסטלערישן אופן דאָס עראָטישע און דראַסטיש־סעקסועלע אין דער אינטים־בירגערלעכער משפחה־סביבה, און אויך די סטיכישע סעקסועלקייט פון דער חיה („מירל", „זינד", „ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר").

בולטע שונד־כוונות האָט ער געהאַט בלויז אין זײַנע צײַטונג־ראָמאַנען, וואָס ער האָט געדרוקט אונטערן אַנאָנימען צייכן פון דרײַ שטערנדלעך. די דאָזיקע שונדראָמאַנען האָבן אים פאַרשאַפט אַ סך אומכבוד און עפנטלעכע באַליידיקונגען.

דעם דאָזיקן פּרנסה־שונד, פון וועלכן ער האָט זיך סוף־כל־סוף אָפּגעטרייסלט, האָט ער קאָמפּענסירט מיט אַזוינע עכטע בעלעטריסטישע קונסטווערק ווי „ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר" און די „גאָלדענע פּאַווע", ווו עס גייט דורך אַ שטיק פון זײַן אייגענעם לעבן אין פּוילישן שטעטל.

ס'איז דאָס שטעטל פון אָנהייב יאָרהונדערט, וואָס ווערט צעוואַקלט צוליב דער עקספּאַנסיע פון יונגן קאַפּיטאַליזם און וואָס נעמט פאַרלירן ביסלעכווײַז איר דורותדיק־אַלטע עקאָנאָמישע באַזע. ס'איז דאָס שטעטל פון לעצטע טראַגיש־פּאַטריאַרכאַלע פיגורן און פון אַ יוגנט וואָס מוז זוכן אַ גרויסשטאָטישן פּראָלעטאַרישן תכלית.

פערלע ברענגט נישט אַרויס קיין שאַרפע קלאַסן־אונטערשידן. זײַן רעאַליזם איז נישט קיין רעאַליזם פון קאָנפליקטן, נאָר מערסטן טייל פון דעטאַלירטער שטייגער־שילדערונג, וואָס איז ווײַט פון אַש איינזײַטיקער אידעאַליזאַציע, אָבער וואָס פאַרמאָגט אַ סך אויפגערייגטקייט און פאָלקסטימלעכע ליריק. אפילו זײַנע שטאָטישע רעוואָלוציאָנערן פון אַרום 1905 זענען געצייכנט מיט צו פיל מילדקייט און געמיטלעכקייט, און נישט מיט זייער כאַראַקטעריסטישער אַנטשיידנקייט.

פערלע האָט געהאַט אַ שאַרף קינסטלעריש אויג פאַרן לעבנס־דעטאַל, איז אַרײַנגעדרונגען אין די עראָטישע קאָמפּליצירטקייטן און פאַרהוילענישן פון מענטשלעכן און חיהשן וועזן, און האָט אַרויסגעבראַכט שטיקער ייִדיש לעבן מיט אַ סך פאָלקסטימלעכקייט און ליבע, אָבער קיין ערשטראַנגיקן ליטעראַרישן אָרט אין ייִדישן פּוילן האָט ער נישט באַוויזן צו פאַרנעמען. זײַן אונטערשונדרעווען, זײַן נישט־אָפּשטעלן זיך אויף עיקרדיקע לעבנס־פּראָבלעמען און דאָס אויספעלן פון עפּעס אַבסאָלוט אָריגינעלס אין זײַן געזעלשאַפטלעכער טעמאַטיק און אין זײַנע סטיליסטיש־שפּראַכלעכע אויסדרוקמעגלעכקייטן, האָבן אים נישט אַרויסגעשטויסן פאָרויס, כאָטש אין זײַנע לעצטע ווערק האָט ער מיט איין מאָל אַ שנעלן וואַקס געטאָן.

אַן איבעררעשונג און ממש אַ ליטעראַרישע סענסאַציע האָט אין די גאָר פריִע צוואַנציקער יאָרן אַרויסגערופן ע. וואַרשאַווסקיס „שמוגלאַרס".

אַרויסגעבראַכט האָט וואַרשאַווסקי דווקא דעם אַלט־באַקאַנטן סצענאַר פון אַלע ייִדישע קלאַסישע, ראָמאַנטישע און רעאַליסטישע שילדערונגען — דאָס פּיצל ייִדישע שטעטל, אָבער געוויזן האָט ער עס אַן אָפּגעשונדנס און אַ צעטרייבערטס, אַן אײַנגעזונקנס אין דער טיף פון אַ מאָראַלישער קאַטאַסטראָפע. ס'איז אַ שטעטעלע וואָס פאַרלירט דעם ייִדישן חן און וואָס בײַט אויס די טראַדיציאָנעלע מעלות־טובות אויף זינד און אויף אָפּנאַרערײַ; ס'איז אַ גרענעצשטעטל, אין וועלכן עס האָבן אַרײַנגעבראַכט די מלחמה־יאָרן און „איבערגעבויט" די גאַנצע דאָרטיקע עקאָנאָמיע אויף דער באַזע פון שמוגל און במילא: טרפהנער בראָנפן־טרײַבערײַ, שכרות, זנות און הפקרות.

נישט קיין איינצלנע יחידים, נאָר דאָס גאַנצע שטעטל, מיט אַלע גוטע און שיינע ייִדן, האָט זיך געגעבן אַ ברעך איבער. הפקר־אינסטינקטן, וואָס יאָרהונדערטער ציוויליזאַציע האָבן טיף באַגראָבן, האָבן שנעל דורכגעבראָכן די „אוראַלטע ייִדישע מאָראַל" און צונויפגעקנוילט אַלעמען אין איין באַנדע גרענעץ־שוואַרצער, בעל־עבירהניקעס און נאָכלויפערס נאָכן טרייפענעם שמוגל־גראָשן. און ווײַל איין עבירה שלעפּט די צווייטע, גייט מען אויף אַלץ גרעסערע און גרעסערע הנחות, און דער צניעהתדיק־ייִדישער „ס'פּאַסט

נישט" ווערט ערגעץ פאַרפאַלן אין אַלע העלן. נישט נאָר די פאַנטלס טוען זיך אויס פון יעדן מאָראַלישן צוים, נאָר אפילו אַזאַ מין שיינער ייִד ווי רב ייִדל, וואָס האַלט זיך נישט אָפּ צו שיקן די אייגענע טאָכטער צום וואַכמײַסטער... און אויב דער אַלטער דיין גייט נישט שמוגלען, איז עס בלויז דערפאַר וואָס די פיס דינען אים שוין נישט.

אין מיטן פון דער דאָזיקער מאָראַלישער אינפלאַציע, אין מיטן פון דאָזיקן חושך, גיט אַ שײַן בלויז איין־איינציקער בלאַסער ליכט־אָפּגלאַנץ: די ליבע צווישן קראַנק־געוואָרענעם שמוגלער מענדל און דער פּראָסטיטוטקע נאַטשע. 2 ברוכשטיקער דערגאַנצן זיך און הייבן זיך אויף צוזאַמען איבערן געמויזעכץ; דער דאָזיקער איינציקער אויסנאַם גיט בלויז אַ פינטל אין דער טיפנאַכטיקער אַטמאָספער פון יענעם שטעטל, וואָס פירט ווײַטער זײַן דעגראַדירט לעבן און וואָס וויל אַז דער צושטאַנד פון הפקרות זאָל פאַראייביקט ווערן...

אין וואַרשאַווסקיס אויפרודערנדיקע און ברוטאַלע שילדערונגען איז נישטאָ קיין בכיוונדיקער נאַטוראַליזם, נאָר דער נאַטירלעכער נאַטוראַליזם פון יענע עקסטרעמע סיטואַציעס וואָס די דײַטשע אָקופּאַציע־יאָרן האָבן געשאַפן.

די דאָזיקע דרייסט־רעאַליסטישע שילדערונג פון שטעטל־לעבן איז אַ באַווײַז ווי ווײַט די מאָראַל איז אָפּהענגיק פון די מאַטעריעלע אומשטאַנדן, ווי ווײַט די מאָראַל איז אַ רעזולטאַט פון לעבנסבאַדינגונגען און נישט פון „אייביקע קאַטעגאָריעס". אפילו אַזאַ מיט פעלדזנפעסטע זאַך ווי די „ייִדישע מאָראַל" צעפאַלט זיך אויף שטויב, ווען דרויסנדיקע אומשטאַנדן פירן צו אַן אַנדער „מאָראַל". אמת, די דאָזיקע אומשטאַנדן זענען געווען צײַטווײַליקע; מען האָט געקענט אויסמײַדן זייערע רעזולטאַטן און בשום אופן נישט אײַנגיין אויף מאָראַלישע הנחות, אָבער אַזוינס איז מעגלעך בלויז אין געזעלשאַפטן וואָס באַזיצן אַ העכערן סאָציאַלן אידעאַליזם.

בײַ די פאַרזינדיקטע שטעטללײַט האָט טיף אין האַרצן געמוזט טליִען דער שולד־באַוווּסטזײַן, דער באַוווּסטזײַן אַז מען האָט געקאָנט זײַן שטאַרק און נישט אַראָפּזינקען מאָראַליש צוליב דער צײַטווײַליקער טרייפענער קאָניונקטור; און אָט דערפאַר טאַקע האָבן זיי אַלע געטרוימט, אַז דער שמוגל־פּעריאָד זאָל פאַרלירן זײַן צײַטווײַליקן כאַראַקטער און פאַרוואַנדלען זיך אין אַ לעבנס־לענגלעכן צושטאַנד, כדי צו באַפרײַען זיך פונעם שולד־באַוווּסטזײַן און כדי צו קענען זאָגן צום אייגענעם געוויסן, אַז בײַשטיין אַ צײַטווײַליקן נסיון קען מען טאַקע, אָבער אַ לאַנגדויערנדיקע סיטואַציע — בשום אופן נישט... אַזוי אַרום וואָלטן זיי געהאַט אַ הכשר אויף זייער לײַכטן און אויסגעשפּאַנטן לעבן...

אין דער פּאָעזיע, מעמואַריסטיק און זשורנאַליסטיק האָט אָנגעהויבן ווירקן **א. זאַק** מיט ליריש־סענטימענטאַלן דרויב, טאָגגראַמען און מלחמה־זכרונות. ער איז געווען אַן עפּיגאָן פון לייב נײַדוסן, אָבער האָט נישט דערגרייכט נײַדוסעס פּאָעטישן פלי, געהאַמערטע פערזן־עלעגאַנץ און פּלאַסטישע בילדערישקייט. עס האָט אים געפעלט קינסטלערישער כוח אויף אָנצושלאָגן אַן אייגענעם טאָן און ער האָט, אויסער דעם, נישט דערפילט די נײַע צײַט און אוודאי נישט געקענט אויסדריקן זי.

ווי אַ דיסאָנאַנס צו דער יונג־היסטאָרישער און נײַ־אויפגעצאַפּלטער צײַט איז אין יענע יאָרן דערשינען דער ראַפינירטער **אהרן צייטלין** מיט זײַן פּאָעמע „מטטרון", וואָס איז אַ געקנויל פון קבלה־מיסטיק, צוגעפּראַוועט אויסערלעך לויט די כללים פון מאָדערנער דיכטונג; און אָט דורך דעם דאָזיקן מעטאַפיזישן קנויל האָט ער געוואָלט באַשיידן דעם גאַנצן גאַנג פון דער געשיכטע, ביז צו די איצטיקע טעג. עס האָט געזאָלט הייסן, אַז נישט אין הסכם מיט היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישע, סאָציאַל־עוואָלוציווע און דיאַלעקטישע פּרינציפּן אַנטוויקלט זיך די מענטשהייט, נאָר לויט אַ דיקטאַט פון אַ פעסטן און טיפזיניקן געטלעכן ווילן...

די נײַע תקופה און די מאָדערנע קינסטלערישע אויסדרוקמיטלען האָבן אָבער לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך אין דער ייִדישער ליטעראַטור. די שטורעם־זשורנאַלן „כאַליאַסטרע" און „אַלבאַטראָס", ווּ פּרץ מאַרקיש און א. צ. גרינבערג האָבן געבליצט, געדונערט און געהאָגלט, און די „ליטעראַרישע בלעטער", וואָס האָבן אויף אַ לעבעדיק־מאָדערנעם און פּאַנאָראַמישן אופן געפּרוּווט אַרומנעמען די גאַנצע ליטעראַטור, האָבן צונויפגעפּאָרט דאָס נײַע ייִדישע וואָרט מיט דער נײַער צײַט, און געשאַפן בײַ דער ליטעראַרישער יוגנט דעם באַוווּסטזײַן, אַז די ייִדישע ליטעראַטור האָט נישט פאַרשפּעטיקט...

פון דער יונג־סאָוועטישער און מיט ייִדיש־בלוט־אָנגעזאַפּטער אוקראַיִנע איז אַראָפּגעקומען פּרץ מאַרקיש, מיט וויכער און שאַרפער שיינקייט אין וואָרט.

זײַן גרויספּאָעטישע בונטאַרישקייט און צעווינטיקטקייט האָבן זיך געוואָרפן ווי די נאַטורקראַפט פון טומלדיקן דניעפּער, פון פאַראָקטאָבערדיקן דניעפּער וואָס האָט צעשפּריצט זײַן כוח אויף פעלדזן און אויף טײַכשוועלן. די נײַ־סאָוועטישע צײַט האָט נאָך נישט באַוויזן פּראָדוקטיוו צו מאַכן זײַן שטורעמווינטיקייט. ער איז געקומען מיט לידער־זאַמלונגען, וואָס די טיטלען זייערע זענען געווען „סתם" און „פּוסט און פּאַס", און ער האָט זיך נאָך דאַן געפונען „אין מיטן וועג", ווי אַ דריטע לידער־זאַמלונג זײַנע האָט געהייסן.

אָנשטאָט בעריאָזקעלעך, ווערבעס און קוסטן, האָבן אין זײַנע לידער גערוישט וועלדער גאַנצע. אין זײַן פּאָעטיק האָבן זיך קאָמבינירט: זײַן יוגנטלעכער וואָרטאימפּעט, די רעוואָלוציאָנערע פאָרמען פון נײַעם רוסישן פערז, זײַן שפּראַך־דערפינדערישקייט, זײַן אימאַזשיניסטישע בילדער־עשירות, זײַן לעבנספרייד, זײַן אָריגינעלע גראַמען־טעכניק און זײַן ווײַטזעעוודיקער אַרויסקוק אויף וועלט, נאַטור און מענטש. גאָר שנעל איז ער געוואָרן דער אידעאַלער פּראָטאָטיפּ פון אַן ערשטראַנגיקן ייִדישן פּאָעט.

אין וואַרשע האָט ער זיך, צו ערשט, פאָרגעשטעלט מיט זײַן פּאָגראָם־פּאָעמע „די קופּע", ווּ ער קאַטעוועט מיט זײַן נעאָנביאישן צאָרן די שולדיקע אין די ווײַסגוואַרדייִשע בלוט־פאַרגיסונגען אויפן שטח פון דער פּרערעוואָלוציאָנערער אוקראַיִנע, און ווּ ער וואַרפט זיך דרייסט און לעסטעריש קעגן אַלע הייליקייטן, אין אָנבליק פון אָנגערונענעם קדושים־בלוט און פון דער קופּע ייִדישע מתים. מען קען זאָגן, אַז אין דער דאָזיקער שטורעמדיק־מאַרקישישער פּראָטעסט־עלעגיע איז אָנשטאָט דעם אַלט־ייִדישן „ברוך דיין אמת", פאַראַן אַ מין „ארור דיין שקר"...

נישט ווייניקער מיטרײַסנדיק ווי זײַנע לידער איז געווען זײַן עסייִסטישע קונסטפּראָזע, וואָס האָט באַהאַנדלט פּראָבלעמען און מענטשן מיט שאַרפער דרייסטקייט און מיט אַ שפּראַך, ווּ יעדעס וואָרט האָט געטאַנצט באַלעט...

דאָס פּראָפּאַשיסטישע פּוילן און די קולטור־געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן אין ייִדישן וואַרשע האָבן אים באַוואוֹיגן אומצוקערן זיך אין זײַן היימלאַנד, ערב דעם ערשטן פינפיאָר־פּלאַן. זײַן עלעק־

טרע־טראָגנדיקע דיכטונג האָט דאָרט געהאָלפן בויען דאָס לאַנד און דערמוטיקן דעם איבערגעבוירענעם מענטשן מיט אַזוינע קונסט־ווערק ווי „ניט געדײַגעט", „אַנשל זאַליאַזניק", „ברידער", „דאָר אויס, דאָר אײַן", „אַ טויט די קאַניבאַלן" און „מילכאָמע".

פון **אורי צבי גרינבערגן** האָט אַרויסגעהילכט דער פוסטער געשריי פון ליטעראַרישן מאָדערניזם, פון יענעם פאָרמאַליסטישן מאָדערניזם, וואָס האָט זיך אין דער נאָכמלחמהדיקער מערב־אייראָפּע אַוועקגעלאָזט אויף אומוועגן פון אַנטיגעזעלשאַפטלעכער אַקראָבאַטיק, פון פוטוריזם, דאַדאַיִזם און עגאָצענטרישן עקספרעסיאָניזם.

אין זײַנע „אַלבאַטראָס"־מאַניפעסטן האָט ער געוואָרפן די לאָזונג פון „אינטראָספעקטיוויסטישער השגה און פאַרטיפונג פאַרן פרײַען, נאַקעטן מענטשן־אויסדרוק", דאָס הייסט פון רוי־אויסגעדריקטן אינזיכיזם, און געפריידיקט האָט ער אַז אַרויסברענגען דאַרף מען „דאָס גרויזאַמע אינעם ליד, דאָס כאַאָטישע אינעם בילד, דעם אויסגעשריי פונעם בלוט".

גרינבערג, וואָס האָט רעוואָלטירט קעגן זײַנע יוגנטלעכע רעליגיעזע שטימונגען, האָט אין זײַן בוך „מעפיסטאָ" אויסגעשריִען זײַן פאַרצווייפלונג און אַנטוישונג אין אַלץ און אַלעמען, ווײַל

„געטער שטאַרבן, פעלקער גייען אויס,
סיפאַלן אָפ אין תהום די גרעסטע בערג,
פרוכפערדיקע גערטנער ווערן סטעפעס,
אָבער מעפיסטאָפעל לעבט און לאַכט פון אַלע דאָזײַנס".

גרינבערגס אַלמעכטיקער מעפיסטאָ־טײַוול, וואָס לאַכט זיך אפילו אויס פון גאָט, אין קעגנזאַץ צו געטעס מעפיסטאָ, נאַרט אויס בײַם דיכטער זײַן יוגנט און זײַנע צאַרטסטע טרוימען, און האַלט אים אין איין רייצן מיט נישט־דערגרייכלעכער פרויען־ליבע, מיט עראָטישן גלות. דער דיכטער לעשט זײַן צעשרפט געמיט אין שאַמפאַניער און איז איבערצײַגט אַז ער מוז בלײַבן ליגן אַ צעטראָטענער כל־זמן מעפיסטאָ וועט נישט רעזיגנירן, און מעפיסטאָ, דער האַר פון אַלע וועלטן, וועט דאָך קיין מאָל נישט רעזיגנירן...

גרינבערגס שרײַענדיקע פוסטקייט האָט אים געמוזט דערפירן צו דער דאָזיקער דעמאָנישער רעזיגנאַציע, און שפעטער איז ער אַוועק נאָך ווײַטער: ער האָט אַוועקגעוואָרפן „די שפראַך פון די נאַלעווקעס" און האָט זיך אין זײַן העברעיִשער פאָעזיע אין ארץ ישראל, גענומען אָפגעבן מיט אַנטיסאָציאַליסטישן, רעוויזיאָניסטישן כוליגאַניזם, מיט ראַסיזם, מיט שונד און מיט אָפענער מלחמה־העצע. אין די פריִע גאַליציאַנישע יוגנטיאָרן זײַנע האָט ער שוין געהאַט געשריבן אַז די טויטגעפאַר אין דער מלחמה פאַרשאַפט אַ ספעציעלן סאָרט גענוס, אַ מין איידעלע גליקשפירונג...

עס ווײַזט זיך, בכן, אַרויס אַז גרינבערג איז טאַקע געווען גערעכט אין זײַן „מעפיסטאָ": דער טײַוול איז זײַן געטרײַער לעבנסבאַגלײַטער...

נאָך דעם ווי דער זשורנאַל „ביכער־וועלט" האָט אויף אַן ערנסט־אַקאַדעמישן אופן אָנגעהויבן צו ווערן דער קריטיש־ביבליאָגראַפישער וואָרטזאָגער און וואָרט־אַרויסטראָגער פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, האָט אַ יום־טובדיקע ראָלע אין דער פרעזענטירונג פון נײַעם ייִדישן וואָרט גענומען שפילן די וואָכנשריפט „ליטעראַרישע בלעטער", וואָס איר 15יאָריק לעבן איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דער היטלעריסטישער מגפה.

דער דאָזיקער זשורנאַל איז אויסגעטראָגן געוואָרן דורכן קלעצקין־פאַרלאַג און האָט באַקומען זײַן יוגנטלעך־פרישן הדרת־פנים אַ דאַנק דער שעפערישער שותפות פון נ. מײַזיל, מ. ראַוויטש, פ. מאַרקיש, י. י. זינגער, א. קאַציזנע און אַנדערע נענטערע און ווײַטערע שרײַבער.

די „ליטעראַרישע בלעטער" זענען געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, דער ווײַסער יום־טובדיקער טישטעך פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין פוילן, אַ טישטעך אויף וועלכן עס איז געגרייט געוואָרן מיט געשמאַק דאָס היימישע און אויסערהיימישע האָב־און־גוטס.

מיטן לויף פון די יאָרן, און אין דער מאָס ווי געוויסע רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער האָבן זיך דערווײַטערט, האָט דער דאָזיקער ליטעראַרישער טישטעך אָנגעהויבן צו פאַרלירן די אָריגינעלע ווײַסע יום־טובדיקייט פון די ערשטע יאָרן, געוואָרן אָפגעקילטער, וואָכעדיקער, בעל־הבתישער, כאָטש די יונגע רעוואָלוציאָנערע דיכטונג פון די דרײַסיקער יאָרן האָט דאָך פון צײַט צו צײַט געהאַט אַ צוטריט צום פיאָנערישן, טראַדיציאָנעל־געוואָרענעם אָרגאַן.

נישט אויפגעהערט צו שטיין בראש פון די „ליטעראַרישע בלעטער" במשך פון די 15 יאָר האָט **נחמן מײַזיל**, — אַן אײַנגעליבטער און אײַנגעגלייבטער אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אַ פלײַסיקער פאָרשער־קאָמפילאַטאָר, אַרבעטזאַמער זאַמלער, אויסגעפינער פון שײַכותן צווישן פאַרשידענע שרײַבער און ענערגישער אויספירער פון קאָלעקטיווע ליטעראַרישע און פאַרלעגערישע פלענער, ווי ער האָט עס געוויזן גלײַך פון אָנהייב, בײַם איבערפלאַנצן די אידעען און מעטאָדן פון דער קיִעווער „קולטור־ליגע" אין דער דאַן נאָך פוסטער וואַרשע.

ווין האָט בײַגעשטײַערט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אין פוילן מיט **מלך ראַוויטשן**. ער האָט געהאַט די סאָלידסטע דיכטערישע קולטור און זײַנע פאָעטישע פאַראינטערעסירונגען האָבן זיך אויסגעשפרייט צווישן די ברייטסטע גרענעצן: פון פרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן ביז צום אויסערערדישן קאָסמאָס, ביז צום שטערנוועג פון וועלטאַל.

זײַן דיכטערישע געפילן־וועלט איז געווען נאָך אַנאַנד קאָנעקטירט מיט פאָרשערישן געדאַנקען־גאַנג. אַן אינספירירטער אין שפינאָזאַס פילאָסאָפישע געבויען, איז ער שטענדיק געווען אַרײַנגעטאָן אין מעדיטאַציעס וועגן גורל פון מענטש און חיה, פון ייִדישקייט און וועלטישקייט. דערפאַר איז זײַן פאָעזיע, קען מען זאָגן, געווען אַן אינטעלעקטועל־אָנגעלאָדענע; געווען אין איר נישט נאָר דיכטונג פון געפיל נאָר אויך דיכטונג פון געדאַנק.

זײַן פאָעזיע צייכנט זיך אויס מיט אויפריכטיקייט וואָס דערגייט אָפט מאָל צו נאַקעטקייט (זע „נאַקעטע לידער"), אָבער גלײַך פון אָנהייב קען מען באַמערקן אין איר אַ מאָדנעם דואַליזם: דער דיכטער איז לויט ראַוויטשן דאָס געוויסן פון דער וועלט און די פרייד אירע, ער איז דער וועלט־שופט וואָס פאַראורטיילט נישט, אָבער זײַן אמת קען פאַרניכטן די מעכטיקסטע און פאַרברענען אויף אַש אוראַלטע וועלדער. דאָס איז אין פרינציפ, אַזוי צו זאָגן, אָבער אין דער פראַקטיק איז דער זעלבער דיכטער אַ פיצל האַלב־צעטראָטן ווערעמל, וואָס ציטערט אַ פויזע צו טאָן, און דאָס איינציקע מיטל וואָס דערהאַלט אים בײַם לעבן איז טרוימען... דער דאָזיקער דואַליזם, די דאָזיקע טעאָריע פון מאַכטלאָזער אַלמעכטיקייט, שלענגלט זיך דורך אויך אין זײַנע שפעטערדיקע ווערק און האָט אים זיכער געפירט צו דער טעאָריע פון פאַטום און פון פאַטום־ייִדישקייט...

זײַנע פערזן זענען פול מיט טיפסטן מיטגעפיל און מיט פאַסיוון פראָטעסט (פון דאַנען מן־הסתם זײַן וועגעטאַריאַניזם) אָבער קיין

מאָל נישט מיט אַקטיוון קעגנשטעלן זיך דעם שלעכטס. כאָטש דער דיכטער פילט אַז ער קען אונטערצינדן מיט זײַן וואָרט די שוואַרצע וועלדער, צינדט ער זיי פון דעסט וועגן נישט אונטער...

ראַוויטשעס אָריגינעל וואָרט ווערט אימפּעטפולער און קאַטעגאָרישער אין זײַן ליטעראַטור־קריטיק און געזעלשאַפטלעך־פּאָלעמישער פּראָזע. צוזאַמען מיט מאַרקישעס צעגלעקלטע און באַפרענדזלטע עסייען, האָבן ראַוויטשעס אַנאַליטיש־שאַרפע און שפּראַכלעך־עלעגאַנטע אַרטיקלען געהערט צום אָנגענעמסטן לייענשטאָף אין די פרילינגיאָרן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין פּוילן.

י. י. זינגער, דער קרעפטיקסטער און ניכטערסטער פּראָזאַיִקער פון דער נײַ־אויפקומענדיקער ליטעראַטור, האָט געפּרוּווט תּחילת, גראָד אויף אַ פּאָעטיש־פּאַטעטישן אופן, אויפכאַפּן די נײַ־רעוואָלוציאָנערע צײַט אין זײַן דראַמע „ערדוויי", ווען ער האָט זיך נאָך געפונען אין אוקראַיִנישן שחיטה־לאַנד.

זיין פּרוּוו צוזאַמענצורעדן זיך מיט דער נײַער צײַט און צו זײַן איר אָנזאָגער האָט זיך אים אָבער נישט אײַנגעגעבן, ווײַל ער איז, איז גרונט גענומען, געשטאַנען אויסער איר און זײַן טעמפּעראַמענט איז ווײַט נישט געווען קיין דיכטעריש־נביאישער.

זינגער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי דער פײַנסטער שניצמײַסטער פון דער וואָכעדיקער לעבנס־נאָוועלע. אינעם געבוי פון זײַנע טיפּן האָט ער אַרײַנגעלייגט אָן אַ שיער דיניטשקע פיליגראַן־אַרבעט און אָבסערוואַציע־חריפות, ווי למשל אין דער בלוטזויגערישער, קאַרגער געלט־שפּין מאָריץ שפּילרײַן („פּערל") אָדער אפילו אינעם הונט מיטן אָפּגעהאַקטן עק („ליוק").

זײַן ערשטער ראָמאַן „שטאָל און אײַזן" איז אַרויסגעקומען צונויפגעסטריגעוועט. זינגערס נאָוועלן־קונסט האָט זיך דאָ צעגאָסן און פאַרוואַסערט צווישן די צענדליקער עפּיזאָדן פון דער מלחמה־צײַט. די קריטיק האָט אָפן אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע ווירקלעכע שוואַכקייטן, און זינגער, וואָס איז שוין דאַן געווען אַ מיטאַרבעטער אין „פאָרווערטס" און געהאַלטן אין טאָן שוואַרצע ליטעראַרישע אַרבעט אין אב. קאַהאַנס רעדאַקציע־קיך, האָט רעאַגירט אויף אַן אַרויסרופנדיק־תּקיפותדיקן אופן. ער האָט געמאָלדן אַז „פון הײַנט אָן און ווײַטער האָב איך מער קיין שײַכות נישט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור" און אַז „שרײַבן ייִדיש איז אַ מלאכה בזויה", (אַן אומווערדיקע אַרבעט). ער האָט זיך געגעט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור און פאַרקנסט זיך צום „פאָרווערטס", און געוואָרן אַלץ מער און מער אַ „פּאָלנער" „פאָרווערטס"־מענטש...

זײַן ליטעראַריש געוויסן האָט אים אָבער קענטיק נישט געלאָזט צו רו און ער האָט, פאַרן אַריבערפאָרן דעפיניטיוו אין „פאָרווערטס"־לאַנד, אָנגעשריבן דעם ראָמאַן „יאָשע קאַלב", אין וועלכן ס'ווערט דורכגעפירט אַ פאַרניכטנדיקער קוועטשניט איבערן דעגענערירטן חסידיזם. מען דאַרף אָבער באַמערקן, אַז זינגער האָט דאָרט אונטערגעשווינדלט מיט עראָטישן און סענטימענטאַלן שונד, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ ראָמאַן וואָס דאַרף זיך המשכן אין „פאָרווערטס"...

מען דאַרף אויך באַמערקן, אַז אומאָפּהענגיק פון די צוויי היסטאָרישע ראָמאַנען וואָס זינגער האָט אָנגעשריבן אין אַמעריקע, איז ער אַלץ מער און מער געזונקען אידעיִש. אין זײַן „חבר נחמן" ווערן אויסגעלאַכט און אַראָפּגעריסן אַלע פּאַרטייִש־אָרגאַניזירטע סאָציאַליסטישע אידעאַלן, און אין איינער פון זײַנע לעצטע נאָוועלן „בײַם שוואַרצן ים" האָט ער „סימבאָליש" אָפּגעחוזקט פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אָט ווי אַזוי: „אין דרויסן האָט אַ האָן געמאַכט אַ טעות אין דער ליכטיקער נאַכט, וואָס ער האָט אָנגענומען פאַר טאָג, און זיך צעקרייעט, צעקרייעט זיך הויך, פול מיט הענערשער האָפערדיקייט און בשורה"...

ווי ס'איז צו זען, איז דער זינגער פון „ערדוויי" טיף פאַרזונקען געוואָרן אין די טיפענישן פון דער „פאָרווערטס"־ערד...

אַלטער קאַציזנע

אין דער יונג־ליטעראַרישער וואַרשע האָט געווירקט אויף אַ ביז גאָר פײַנעם אופן **אַלטער קאַציזנע**, וואָס האָט געצויגן זײַן ליטעראַרישן ייִחוס פון צעגלאַנע 1, וווּ ער איז געווען אײַנער פון די אינטימסטע פּרץ־מקורבים.

ער האָט אָנגעהויבן מיט לאַנגע פאַרפּלאָנטערטע פּאָעמעס און פּאָעטיש־דראַמאַטישע עטיודן, וואָס האָבן זיך פאַרהעלטענישמעסיק אויסגעצײַטיקט אין ווערק „דער גײַסט דער מלך", אָבער וואָס זענען נאָך פאָרט נישט געווען אין גאַנצן רײַף און קלאָר. עס האָבן אים געפּײַניקט פּראָמעטעוס־מאָטיוון, און פאַרשידענע זעונגען האָבן זיך געשפּאַרט איינע אויף די אַנדערע אין זײַנע פּאָעמאַטישע פערזן.

שפּעטער, נאָך זײַנע צוטריטלעכערע „אַראַבעסקן", האָט ער אָנגעשריבן עטלעכע דראַמעס, צווישן זיי דעם סצעניש־דערפאָלגרײַכן און ליטעראַריש־מיטלמעסיקן „דוכוס", די קינסטלעריש־דערהויבענע טראַגעדיע „הורדוס" און צווישן אַנדערע סצענישע ווערק, האָט ער אויך דראַמאַטיזירט פאַר גראַנאַכן שלום שוואַרצבאַרדס גבורה־אַטענטאַט אויפן פּאָגראָם־הונט פּעטלורע. אין זײַן ליטעראַרישן אַקטיוו דאַרף מען אויך אַרײַנרעכענען זײַן גרויסשטאָטישן וואַרשעראָמאַן „שטאַרקע און שוואַכע".

צוזאַמען מיטן פּוילישן פאַשיזם, ווען אַ סך ייִדישע שרײַבער האָבן זיך אײַנגעדרייט אין דרײַען און אויסגעבעט זיך באַקוועם אויף דער טעאָריע פון „נישט מישן זיך", איז גראָד מיטגעוואַקסן קאַציזנעס סאָציאַלער באַוווּסטזײַן און ציווילער מוט. ער האָט אָנגעפירט מיטן טעגלעכן פּראָגרעסיוו־רעוואָלוציאָנערן אָרגאַן „דער פרײַנד", כאָטש די מוסרישע רעאַקציע האָט געטײַטלט אויף אים מיט די פינגער. אין זײַן צײַטונג־קאָלום „מײַן רעדנדיקער פילם" האָט ער דרייסט און פּקחותדיק געהאַלטן אין איין טאַשן פּאָליטישע לעבנס־פּראָבלעמען און נישט אויפגעהערט צו מישן און אַרײַנמישן זיך. שפּעטער האָט ער אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „מײַן פילם", וווּ

ער האָט איינער אַליין געקעמפט, דורך אַלע ליטעראַרישע און זשורנאַליסטישע זשאַנערס, קעגן אַרויפּפויזנדיקן און שליימיקן פאַשיזם.

דער אַלטער פּרציסט האָט זיך אויפן ווונק צוגויפגערעדט מיט דער נײַער צײַט...

מיט 4 סאָציאַלע ראָמאַנען האָט באַפּעסטיקט זײַן אָרט אין דער ליטעראַטור **ש. האָראָנטשיק.**

ער כאַפּט אַרום אַ שילדערונג־פּעריאָד פון אַ וואָסערע 30 יאָר, צעטיילטע אין 4 עטאַפּן: דער עקאָנאָמישער צעפאַלונג־פּראָצעס פון יִדישן שטעטל און די „פּראָלעטאַריזאַציע" פון דער דעקלאַסירטער שיכט („אין רויש פון מאַשינען"), דער ערשטער רעוואָלוציאָנערער אויפגעברויז („1905"), דאָס צאַנקנדיקע און דעמאָראַליזירטע שטעטל פון די אָקופּאַציע־צײַטן („פאַרפּלאָנטערטע וועגן") און דאָס אויפגעקומענע שמוגל־גבירנטום אין נאָכמלחמהדיקן שטעטל („זומפּ").

אין זײַנע ווערק זענען אָנגעזאַמלט אָן אַ שיעור לעבנספאַקטן, וואָס זענען פּרטימדיק און אָפט מאָל נאַטוראַליסטיש אויסגעוויקלט. פאַראַן אָבער בײַ אים אַ צו מעכאַנישע פונאַנדערטיילונג פון זײַנע העלדן אויף גוטע און שלעכטע. פון ערשטן בלעטל אָן זענען די נעגאַטיווע פּערסאָנאַזשן פאַרמשפּט און געשטעמפּלט. זיי זענען טאַקע ס׳רוב עקלדיקע טיפּן; אָבער זייער נעגאַטיווקייט וואַקסט נישט אָן מיט קינסטלערישער און פּסיכאָלאָגישער בהדרגהדיקייט.

יעדן פאַלס האָט האָראָנטשיק געוויזן אַן אָפן בילד פון קלאַסנשטרײַט אין שטאָט און שטעטל. זײַנע ווערק זענען באַפעלקערט מיט אַ גאַנצן המון אַקטיוו־באַוועגלעכע מענטשן און כאַראַקטערן, וואָס ווי סקיצנמעסיק זיי זענען נישט אַרויסגעבראַכט, גיבן זיי דאָך אַ גענויע פאָרשטעלונג פון דער יִדישער שטעטלדיקער געזעלשאַפט און פון אירע סאָציאַלע פּראָצעסן אין ערשטן פערטל יאָרהונדערט.

האָראָנטשיקן האָט געפעלט שרײַבערישע קולטור, שפּראַכלעך־סטיליסטישע דיסציפּלינירטקייט און אַ קינסטלערישער חוש פאַר סעלעקציע. זײַן פעדער האָט נישט געזשאַלעוועט און געשאָטן. דערפאַר אַזוי פיל קלײַען און אָפּפאַל אין זײַנע ווערק, אַזוי פיל צעצווייגנקייט און אָנגעפּלאָנטערטקייט. געקומען איז עס טיילווײַז פון גרויס שפע, פון וועלן וואָס שנעלער אַרויסשעפּן פון זיך די אָנפּלייצנדיקע פאַקטן, בילדער און פיגורן, און אויך די אָנגעזאַמלטע פאַרביטערונג.

דאָס נײַערע פּוילישע שטעטל פון די דרײַסיקער יאָרן און פון דער שפּעטערדיקער ערב־חורבן־צײַט האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער ליטעראַטור **מ. בורשטין** דורך זײַנע ראָמאַנען „איבער די חורבות פון פּלוינע" און בײַ די טײַכן פון מאַזאָוויע".

ס׳איז דער חורבן פון קליינבירגערטום, פון דער אויסגעוואַקסענער יוגנט, פון דער פּרוכטלאָזער אינטעליגענץ, וואָס דער קריזיס, דער פאַשיזם און דער באָיקאָט האָבן זיך שוין דערקליבן אויך צו זיי און טרײַבן זיי פונאַנדער אויף די עמיגראַנטישע וועגן.

ווייטיקדיק איז דער צער פון דער צאַנקנדיקער יוגנט. טעכטער פון פּלוינער אָפּגעקומענע בעלי־בתים „האָבן דאָך נישט קיין צו גרויסע פאַרלאַנגען, בלויז אַ ביסעלע גליק, אַ קליין ביסעלע פרייד — — — — און די יאָרן דערווײַל לויפן אָן ליבע, אָן גליק — צוליב פינף הונדערט דאָלער, צוליב אַ קאָמפּלעט מעבל, צוליב געפילן אויסגעטווישט אויף קליינגעלט".

די פּערספּעקטיוון זענען: צעלויפן זיך, אַנטרינען, — נישט נאָר ווײַל קיין אויסוועג איז נישטאָ, נאָר ווײַל עס ווערט אַלץ מער קאָנקרעטער די אָנונג פון דער אויפגעהויבענער היטלער־האַק.

בורשטינען האָט זיך אײַנגעגעבן, מיט גאַנץ דורכשניטלעכע, ווײַט נישט קיין גרויס־קינסטלערישע מיטלען, אויפצוכאַפּן דעם צער, די מורא און דאָס פאַרחורבנטע שטעטל־לעבן פון צעוואַקלטן קליינבירגערטום, ערב דעם נאָך גרעסערן בלוט־חורבן.

אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן האָט זיך באַוויזן **י. באַשעווים** — אַ פײַנער בעלעטריסט מיט אַן אָריגינעלן טאָנפאַלן סטיל, מיט ריטמיק אין וואָרט, מיט קינסטלערישער אויפכאַפּקראַפט אין אויג און אויער און מיט אַ סך אַלט־יִדישער קולטור, אָבער די אויסטערלישע ווײַטע טעמאַטיק זײַנע איז געווען אַ נישט־דאָיִקע, אַ נישט־היזיקע, אַ פאַררוקטע אין געשיכטלעכע העקן און אין פּסיכאָלאָגישע לאַבירינטן.

דער קבלהדיקער מיסטיקער און ביטערער רעאַקציאָנער **אהרן צייטלין** האָט אַזוי כאַראַקטעריזירט באַשעוויסעס בוך „דער שטן אין גאָרײַ", וואָס איז דערשינען אין 1935 מיט אַן אונטערקעפּל „אַ מעשה פון פאַרצײַטנס":

„ווען מען פרעגט מיך: וואָס איז די גרונד־אידעע פונעם ווערק, וואָלט איך געזאָגט אַסקעטיזם — — — אין דער יִדישער ליטעראַטור פון הײַנט, וואָס גייט געטרײַ אין שפּאַן פון פּראָלעטקולטישער באַשטעלונג, זענען אַזעלכע ווערק ווי באַשעוויסעס אַ הערלעכער אַנאַכראָניזם".

די דאָזיקע אָפּשאַצונג כאַראַקטעריזירט צייטלינען און כאַראַקטעריזירט דאָס בוך. די ברכה איבער דער „הערלעכער" אָפּגעלעבטקייט און פאַרצײַטישקייט פון באַשעוויסעס ווערק האָט צייטלין געמאַכט נישט ווײַל ס׳איז אים געפעלן געוואָרן די היסטאָרישע טעמאַטיק, נאָר צוליב דער מיסטישקייט און סאָטנדיקער שאָטנדיקייט פון בוך...

דאָס בוך מיט צייטלינס פאָרוואָרט איז דערשינען אין 1935, ווען די קעגנוואַרט האָט שוין געגליווערט ווי אַן אָפענע וווּנד; ווען אַ מיליאָניקע יִדישע יוגנט האָט בײַם אָפּגרונט פון איר אויסגאַנגלאָזיקייט געוואַרט אויף אַ נײַ, אויפשליסנדיק און אויפברעכנדיק וואָרט; ווען גאַנץ אייראָפּע האָט שוין אָנגעהויבן צו דערשפּירן דעם פאַרטײַעטן פריקרען אָטעם פון נירנבערג.

פון דער דאָזיקער צעוואַקלטער צײַט איז באַשעוויס אַוועק אין אַן אַנדער צעוואַקלטער צײַט. ער האָט אָבער נישט אויפגעכאַפּט די רעאַל־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון דער תקופה אין וועלכער ער האָט זיך פאַרקליבן, נאָר די אינדיווידועלע מיסטיק אירע און האָט אַרויסגעפירט אויף זײַן ליטעראַרישער סצענע דעם גאַנצן קלאַפּערגעצײַג פון רוחות, שדים, מזיקים, לצים, לאַפּיטוטן, טייוואָלים נישט־גוטע, וואָס באַשטימען אין אַ גרויסער מאָס דעם גורל פון זײַנע הויפּטהעלדן.

אין זײַן בוך באַשרײַבט ער די שבתי־צבי־אויפטרייסלונג פון אַ שטעטל, אָבער ער איז נישט אַרײַנגעדרונגען רעאַל־פּסיכאָלאָגיש אין דער שבתי־צבי־תקופה. דער גאַנצער אָקולטיזם וואָס איז פאַראַן אין בוך, דער זאַבאָבאָנעדיקער פּלאָנטער, דער מיסטיציזם, די פערווערזע הפקרותן, זענען אַ בפירושע איבערטרײַבונג, אַ שאַרזשירטע פאַרמיסטיקונג פון אַ היסטאָרישן עפּיזאָד און אַ פּראָדוקט פון שפּעטערדיקע קראַנקע פאַנטאַזיעס.

דער קינסטלער אין באַשעוויסן האָט אָבער דאָ און דאָרט רע־

בעלירט קעגן מיסטיפיצירנדיקן פאַנטאַסט. דאָ און דאָרט טויכן אַרויס פון דער מיסטישער פינצטערניש רעליעפע שטעטל־ און שטייגער־בילדער פון ייִדישן לעבן מיט איבער 150 יאָר צוריק, אָבער אין אַלגעמיין דאָמינירט דאָס דיבוקדיקע, דאָס געהיימנישפולע, דאָס גײַסטעריש־פאַרהוילענע.

מען מוז דעריבער מודה זײַן, אַז די בעסטע כאַראַקטעריזירונג פון באַשעוויסן האָט פאָרט געגעבן צייטלין; ער רופט אים אָן „דער פאָעט פון אַ וועלט אין דער פינצטער, דער דיכטער פון גראָטעסקן שוידער”. ער מיינט עס, פאַרשטייט זיך, נישט לגנאי נאָר לשבח, אָבער אומאָפהענגיק פון דעם וואָס ער מיינט, איז די דעפיניציע נישט קיין שלעכטע...

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז פאַראַלעל מיטן מאָלן די היסטאָרישע „וועלט אין דער פינצטער” האָט באַשעוויס געשריבן גאַנץ אַקטועלע שונדראָמאַנען פאַרן רויטקעפלדיקן ברוכבלעטל „עקספרעס” און שפעטער צוגעשטעלט גאַנצע טאָנען צוגעפעפערטן ראָמאַנען־שונד פאַרן „פאָרווערטס”.

ווי די סאַמע ערשטע פרויען־פיגור אין דער סאָציאַל־שפירעוודיקער פאָעזיע און אין דער קינדער־ליטעראַטור האָט זיך שנעל אַרויסגערוקט **קאַדיע מאָלאָדאָווסקי**.

דאָס לעבן פון דעם ייִדישן אַרבעטער־מיידל, די דזשיקע־גאַס און דאָס לויערן פון די פאַשיסטישע מחבלים אויפן דראַנגיקן יוגנטלעכן געדאַנק, אויפן אויפלויכטנדיקן ייִדישן וואָרט, אויפן לעבן פון אַ גאַנצן דור, האָבן אָנגעפילט איר צאַרטן פערז מיטן קאַמפס־אַראָמאַט און מיט די שטרעבונגען פון דער פאָרויסגייענדיקער צײַט. אירע שפילעוודיק־סאַטירישע און לײַכטפעדערדיקע קינדער־מאָטיוון זענען געוואָרן די יום־טובדיקסטע לעקטור אין אַלע ייִדישע שולן פון לאַנד.

צום באַדויערן איז זי אין אַמעריקע איבערגעבראָכן געוואָרן אויף דער העלפט. זי האָט שוין דאָרט „געמאַכט פון ווײַן די ברכה איבער אַ כוס מיט סם”. זי האָט דערפילט, אַז „די אותיות קרישלען זיך, די ווערטער בלייכן אויס”, און פון דעסט וועגן האָט זי נאָך מיט די דאָזיקע צעקרישלטע און אויסגעבלייכטע ווערטער באַוויזן אַרײַנצוטאַנצן אין נאַציאָנאַליסטיש־גאָטזוכערישן קאַראַהאָד פון דער בירגערלעכער, רעגרעסיווער ישראל־דיכטונג.

אַ פײַנפילנדיקער טאַלאַנטירטער דיכטער איז געווען **י. קירמאַן**, וואָס האָט אויף מאָטיוון פון נויט, ליידן און פראָלעטאַרישן פײַן אויסגעמײַסטערט קורצע, טיף־עמאָטיווע לידער.

אַ בלאָנדזשענדיקער, געדאַנקען־שווערער און מיט סתירות אַרומגעוויקלטער דיכטער איז געווען **ישראל שטערן**, וואָס האָט געהאַט עכטע דיכטערישע פאָטענץ און שלאָגיקייט פון וואָרט, אָבער אַרומגעגאַנגען איז ער אָן אַ זײַט פון אַלץ און אַלעמען, מיט רעליגיעזע שטימונגען צײַטנווײַז און מיט אַן אומדעפינירטן, האַלב־דערזונגענעם טרויער.

ל. י. טרונק איז פון זײַן תחילתדיקער עקזאָטיש־פאַרהוילענער און נאַטור־באַשרײַבערישער בעלעטריסטיק אַריבער צו טיף־אינטעלעקטואַליסטישער עסייאיסטיק. ער האָט זיך געגראָבן אין „אייביקע” גרונדפראָבלעמען פון לעבן און קונסט, דערנענטערט זיך שפעטער צו קאָנקרעטע ייִדישע קולטור־פראַגעס און אָנגעוויזן אויף זייער ענגער לעבנס־שײַכות מיטן סאָציאַליזם. נאָר שפעטער איז ער אַריבער צו פילאָסאָפישער ליטעראַטור־פאָרשונג, באַנוצנדיק אַ שפראַך, וואָס איז אָפט מאָל געווען צו קאָמפאַקט, צו אַקאַדעמיש־קאָמפליצירט.

מיט זײַנע אויסגעצייכנטע ליטעראַרישע פאַראָדיעס און מיט זײַנע שפראַכלעך־ און פסיכאָלאָגיש־געלונגענע הומאָרעסקעס האָט דער טונקעלער פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט אין דער לאַך־ליטעראַטור.

ער האָט נישט געהאַט קיין בעלעטריסטישע אַמביציעס און איז געווען בעיקר אַן עפיזאָדן־הומאָריסט, אַ הומאָריסט צוליבן הומאָר אַליין און נישט ווי אַ שרײַבער וואָס דער הומאָר אינטערעסירט אים ווי אַ מעטאָד אין דער גרויסער שרײַבערישער קונסט, אויפן שטייגער פון שלום עליכמען, למשל.

מיט ליטעראַטור־קריטישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן אין די פאַרשידענע וואָכנשריפטן, חודש־זשורנאַלן און ליטעראַרישע בײַלאַגעס פון די טעגלעכע צײַטונגען האָבן זיך באַטייליקט: ש. קאַזדאַן, מ. זילבערפאַרב, י. פאַט, ש. מענדעלסאָן, ש. לעוו, ל. פינקלשטיין, א. בערמאַן, י. מ. ניימאַן, מ. פלאַקסער, און **צענדליקער** אַנדערע, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט די פאַרשידענע טענדענצן פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אַרום דער שיינער ליטעראַטור.

מיט אַ סך ערודיציע האָט זיך אויסגעצייכנט דער ליטעראַטור־קריטיקער און גלענצנדיקער איבערזעצער **י. ראַפאָפאָרט**. ער איז געווען אַ פעדאַנט און אַ שטרענגער מאָנער. ער האָט זיך נאָך אַנאַנד אַרומגעטראָגן מיט אַ פאַרביטערונג און מיט אַ פאַרדראָס וואָס די הויפט־דעה אין דער ליטעראַטור האָבן אַנדערע און נישט אַזעלכע ווי ער. עס האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז איינער פון זײַנע פאָלעמישע הויפטצילן איז מאַכן צו בלאָטע נ. מײַזילן, אויף וועמענס אַדרעס ער האָט נישט געזשאַלעוועט קיין פאַמפלעטן, אַראָפרײַסערישע אַרטיקלען און בייזע וויצן. ווי אַ שרײַבער מיט אַנטיפראָגרעסיווע אײַנשטעלונגען האָט ער זיך באַצויגן פײַנטלעך צו דער יונגער פראָלעטאַרישער ליטעראַטור אין פוילן און אָפט באַקעמפט זי אויף זײַן שפיציקן אופן.

האַרט פאַר דער מלחמה האָט ער געגרינדעט אַ זשורנאַל „דער קריטיקער”, צו וועלכן ער האָט אויך צוגעצויגן י. מ. ווײַסענבערגן. ביידע אומצופרידענע, כאָטש אַזוי שטאַרק פאַרשידענע צווישן זיך, דאָן־קיכאָטן האָבן פאַרברידערט זייערע שפיזן...

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז אויפן געביט פון פאָרשן די עלטערע ייִדישע ליטעראַטור האָט אַ סך אויפגעטאָן ד״ר י. שיפער, אויפן געביט פון געשיכטע־ליטעראַטור — ד״ר ע. רינגעלבלום און ד״ר ר. מאַהלער, אויפן געביט פון פאָפולאַריזירן וויסנשאַפט — י. יאַשונסקי, און אויפן געביט פון דיאַלעקטן־פאָרשונג, שפראַך־וויסנשאַפט און געשיכטע פון ייִדיש — דער אומדערמידלעכער נ. פרילוצקי, — דער עקספערט פון מינדלעכן ייִדיש, דער פערפעקסטער קענער פון דער ייִדישער רעדשפראַך, אין אַלע אירע דיאַלעקטאָלאָגישע קנייטשלעך.

דער פאַשיזם, די ליטעראַרישע סביבה און דער ייִנגסטער שרײַבערישער דור.

עס איז איבעריק צו דערמאָנען באַריכות ווי אַזוי עס האָבן אויסגעזען די איצט שוין אויף אַן אמת „היסטאָרישע” באַדינגונגען פאַר דער ייִדישער קולטור אין פוילן, ווען עס האָבן נאָך געלעבט די גרויסאַרטיקע און צעכוואַליעטע ייִדישע מיליאָנען.

אויב אויפן עקאָנאָמישן געביט האָבן געהערשט גראָבע דיס־

קרימינאַציעס, איז אויפן קולטור־געביט געוואָרן נאָך ערגער. עס האָט געהערשט נישט נאָר אַן אָפיציעלע אינדיפערענץ און איגנאָרירונג, נאָר אַ בייזוויליקע קעגנערשאַפט מצד דער כוליגאַנישער מלוכה. די יִדישע קולטור, וואָס האָט געפילט אויף איר נאַקן די פאָליצייִשע פויסט און אויף איר גאָרגל די זשאַנדאַרמערישע פינגער, האָט זיך געשטיקט אָבער איז נישט דערוואָרגן געוואָרן. די יוגנט, וואָס איז געזונקען אין אויסזיכטלאָזיקייט, האָט געזוכט אַ דערהייבנדיקן אָנהאַלט און אַ גײַסטיקע קאָמפענסאַציע אין יִדישן וואָרט, און איר קולטור־הונגער איז געווען ממש אַ וואָלפישער.

דער גרעסטער טייל יִדישע קולטור־טוער און מיטליאָריקע שרײַבער, וואָס זענען געווען קאָנפאָרמיסטן, „לאָז מיך־געמאַך”־מענטשן, אײַנגעקאָרטשעטע אין זייער פאַטאַליסטיש־יִדישלעכער „לעבנס־חכמה”, האָבן נישט געהאַט מיט וואָס אויף אַן אמת זאַט צו מאַכן די דאָזיקע אידעאַליסטישע יוגנט. ערשט אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן איז פון דער דאָזיקער יוגנט גופא אַרויסגעקומען אַ נײַער דור שרײַבער, וואָס דאָס קעמפערישע וואָרט זייערס האָט זיך גענומען אויסטיילן פון די קליינבירגערלעכע זיפצערײַען און וואָס דאָס לעבן זייערס צוזאַמען מיט זייער גאַנצן שאַפן איז געגאַנגען לויט דער ריכטשנור פון אַ פירנדיקן אידעאַל.

זייערע שרײַבטישן זענען אָפט מאָל געשטאַנען אין די תפיסות און איינער פון זייערע סאַמע יִינגסטע — דער טיפזיניקער ליטעראַטור־קריטיקער און דיכטער א. ל. גערמאַנישסקי (א. ל. גאָרין) איז פאַרפײַניקט געוואָרן צום טויט אין קאַרטוז־בערעזע. זיי האָבן זיך דורכגעקוועטשט דורך די דערשטיקונג־רינגען פון פוילישן פאַשיזם און האָבן נישט געשוויגן.

זיי האָבן נישט סתם געליטעראַטעוועט און געפעלעטאָנעוועט, און אוודאי נישט געשונדעוועט אויף יִדיש, ווי דאָס האָבן געטאָן אַ סך פון זייערע קאָלעגן, וואָס זענען געווען געזעצטע און געשעצטע מענטשן, נאָר זיי האָבן, ווי בני נביאים, אַרומגעטראָגן אומעטום די אָנגעגליטע קויל פון זייער וואָרט און אײַנגעשפאַנט זייער גאַנצן אָדלערדיקן שאַפן אין שווערן יִדישן וואָגן. זייער מיין איז געווען צו העלפן נישט מיט קיין געדריידלטן „וויאָ”, נאָר טאַקע אַ ריר טאָן דעם וואָגן.

אויפן יִדישן קולטור־לעבן וואָס האָט זיך געפונען אין מיטן פון דער בירגערלעך־פאַרעלטערטער, קאַפיטולירנדיקער צעטומלטקייט, האָט זיך פון איין זײַט אָנגערוקט די פאָרסירטע פאָלאָניזאַטאָרישע אַסימילאַציע, אָבער פון דער צווייטער זײַט, — אַן אייגענער יונגבלוטיקער אויסלייזער — די באַוווסטזיניקע יוגנט, וואָס האָט פאַרשטאַנען אַז איר יִדיש־גײַסטיקע דערהייבונג און באַפרײַונג איז פאַרבונדן נישט נאָר מיטן פאַסיוון געניסן די אָנגעזאַמלטע קולטור־ווערטן, נאָר דער עיקר — מיט קולטורקאַמף, און אַז אמתער קולטורקאַמף איז אַ צווילינג־דערשײַנונג פון פאָליטישן קאַמף.

די פאָליציי און די בערל קוטשמעס האָבן נישט געשוויגן, אָבער דערפאַר טאַקע ווײַל זיי האָבן נישט געשוויגן האָט די דאָזיקע יוגנט אוודאי נישט געקענט שווײַגן. זי האָט נישט אויפגעהערט צו פירן, דורך וואָרט און שריפט, איר דראַמאַטישן קאַמף.

ווי אַזוי איז די דאָזיקע יוגנט אויפגענומען געוואָרן אין דער אַלגעמיינער ליטעראַרישער סביבה? און צי האָט בכלל עקסיסטירט אַזאַ מין יִדיש־ליטעראַרישע סביבה?

אין דער אמתן זענען די שרײַבער פון די צוואַנציקער יאָרן אַליין געווען סביבהלאָז, אויב דורך סביבה דאַרף פאַרשטאַנען ווערן בריט־קאָלעקטיווע משפחהדיק־אינטימע פרײַנדשאַפט, וואָס שטאַרקט דעם געזעלשאַפטלעכן אָפטימיזם און סטימולירט צו שעפערישקייט.

פראָפעסיאָנעלע קאָנקורענץ, אומפאַרגינערישקייט, גרויסהאַלטערײַ, עגאָיִסטישע אויסרעכענונגען, קלײַזל־חשבונות, האָבן, ווי אין יעדער בורזשואַזער געזעלשאַפט, געשטערט אַז עס זאָל זיך אויסבילדן אַ האַרמאָנישע, ברידערלעכע שרײַבער־סביבה. עס האָבן יאָ עקסיסטירט פאַרטיי אָדער אינטערעסן־כנופיהלעך, און כאָטש אַלע האָבן געשווירן טרײַהייט צום אידעאַל פון יִדיש־וועלטלעכער קולטור, איז דער דאָזיקער פאַרעוועער און צו־גאָרנישט־פאַרפליכטנדיקער אידעאַל געווען צו שוואַך אויף צו פאַרבינדן אַלעמען אויף אַן אמתן סביבהדיקן אופן.

איצט פרווט מען אָבער דערווײַזן, אַז אַזאַ מין סביבה איז יאָ געווען, און דער שלאָגנדיקער באַווײַז איז... טלאָמאַצקע 13!

עס איז אַ באַקאַנטע דערשײַנונג, אַז נאָך יעדן גרויסן אומגליק קומט אויף בײַ מענטשן אַ נייגונג צו ראָמאַנטיזירן דאָס אַלץ וואָס עס האָט עקסיסטירט פאַרן אומגליק און איבערצוטרײַבן די באַדײַטונג פון זאַכן, צושטאַנדן און סיטואַציעס. אַזוינע ראָמאַנטיזירונגען און אידעאַליזירונגען, ווען זיי זענען בלויז טיף־עמאָטיווע, קענען נאָך פאַרשטאַנען און טאָלערירט ווערן, אפילו ווען זייער נישט־ריכטיקייט איז אַ באַשײַנפערלעכע אָבער ווען זיי קומען אויף צוזאַמען מיט אַ באַשטימטן מיין, צוזאַמען מיט דער כוונה צו דערווײַזן אַז דאָס אַמאָליקע איז געווען גוט און דאָס איצטיקע טויג נישט, אין דער צײַט ווען דאָס איז פונקט פאַרקערט, דאַרף מען אָנווײַזן אויף זייער סוביעקטיווקייט און טענדענציעזקייט.

טלאָמאַצקע 13 — דעם געוועזענעם פאַראיין פון יִדישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע — וויל מער פאָרשטעלן שיִעור נישט ווי דעם צענטער פון יִדישער קולטור־שאַפונג, קולטור־אויסשפרייטונג און קולטור־בליִונג אין פוילן; ווי דעם צענטער פון שעפערישער געמיטלעכקייט און פרײַהייט, אין קעגנזאַץ צו זײַן שפעטערדיקער „לינקיסטישער” דעקאַדענץ און צו דער רעגימענטירטער פאָליטישער אײַנגעצוימטקייט פון ענלעכע פאַראיינען אונטער אַנדערע רעזשימען... מען האָט אפילו געוואָלט שאַפן דעם אײַנדרוק אַז טלאָמאַצקע 13 איז געווען אַ מין מאָדערנע פאַרזעצונג פון צעגלאַנע 1...

וואָס האָט אַזוינס, אין דער ווירקלעכקייט, געבליט אויף טלאָמאַצקע 13?

דאָס קען מען לײַכט אויסגעפינען אין סעגאַלאָוויטשעס שיר־השירים צו דער „בודע” (היימישער נאָמען פון ליטעראַטן־פאַראיין). ווען מען נעמט אַרויס פון סעגאַלאָוויטשעס באַשרײַבונג דעם גאַנצן סענטימענטאַליזם, דעם מעלאָדראַמאַטישן השתפכות־הנפש, די האַלב־לירישע דיגרעסיעס און אַלע פיל־ און ווייניק־באַדײַטנדיקע פילפונקטן, זעט מען אַז טלאָמאַצקע 13 איז, אין תוך גענומען, געווען אַ ליטעראַרישע קיבעצאַרניע, אַ קליינבירגערלעכער ליטעראַטן־קלוב, וווּ אייניקע פון די הויפט־אַטראַקציעס איז געווען, לויט ווי סעגאַלאָוויטש אַליין חזרט עס איבער אומצייליקע מאָל, דער גראָטעסקער שרײַבער הערשעלע, די קאַץ פיפי און דער הייזעריקער פאַטעפאָן...

דריקט זיך אויס די קולטור־טעטיקייט פון אַ ליטעראַטן־פאַראיין אין דער הויפטשטאָט פון אַ לאַנד, וווּ עס וווינען דרײַ מיט אַ האַלבן מיליאָן יִדן, בלויז אין אײַנאָרדענען ספאָראַדישע און אַב־

סאָלוט צופעליקע רעפעראַטן אין זייַן קליינעם לאָקאַל? האָט אפשר דער ליטעראַטן־פאַראיין, וואָס האָט אַליין נישט געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קולטור־פאַרבאַנד, געשאַפן די איניציאַטיוו פאַר אַ קולטור־צוזאַמענפאָר? האָט ער עפּעס געטאָן פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער אָנגעגריפענער ייִדישער קולטור אין פּוילן?

ניין! אין די סאַמע דראַמאַטישסטע מאָמענטן פון ייִדישן לעבן אין פּוילן אין די סוף דרייַסיקער יאָרן האָט זיך דער פאַראיין גענומען צעפאַלן, ווייַל „עס האָבן זיך אין לאָקאַל אַרייַנגעשמוגלט פרעמדע, נישט־נייטיקע עלעמענטן" (סעגאַלאָוויטש).

ווער זענען עס געווען? דאָס איז געווען דער יונגער דור ראַדיקאַלע שרייַבער, וואָס האָבן געוואָלט אַרייַנברענגען לעבן, אינהאַלט און אידעע אין טלאָמאַצקע 13, אָנשטאָט די אייַנגעזעסענע רכילותלעך און די מידות פון גוטברודערישער באָהעמיע. אָנשטאָט זיי צו דערנענטערן, האָבן סעגאַלאָוויטש און זייַנע חברים אפילו נישט אינטערעסירט זיך ווער זיי זענען. ער באַמערקט סאַרקאַסטיש „זיי זאָגן אַז זיי זענען שרייַבער", און געווען זענען עס: בינעם העלער, משה שולשטיין, דוויד מיצמאַכער, דוויד ספאַרד, הערש זאַראָמב, קלמן ליס, מיכאַל נאַטיש, מ. מירסקי, די אַליצקים און צענדליקער אַנדערע קרעפטיקע טאַלאַנטן.

די עלטערע קאָלעגן, אָנהייבנדיק מיט די אַסימילאַטאָרן פון „נאַש פשעגלאָנד", האָבן אין די שפּעטע דרייַסיקער יאָרן אָנגעהויבן פונאַנדערצולויפן זיך פון טלאָמאַצקע 13 און פאַרבייַטן זי מיט די צענטראַלע „קאַוויאַרניעס", ווייַל וואָס איז עס פאַר אַ לעבן, אַז די „אַרייַנגעשמוגלטע עלעמענטן" האָבן אָנגעהויבן רעדן צו ערנסט און אַז „מען לאָזט נישט אָנשטעלן דעם פאַטעפאָן" (סעגאַלאָוויטש).

די מוטלאָזיקייט און אָפּגעלאָזנקייט פון די בירגערלעכע שרייַבער איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיי האָבן ביסלעכווייַז גענומען קאַפּיטולירן צו די שרייַבעריש נישט־אָנערקענטע „צעשטערערישע עלעמענטן"; זיי האָבן איינציקווייַז גענומען פאַרלאָזן די „בודע" און אַזוי האָט זיך טלאָמאַצקע 13 דערקייַקלט צו איר „לינקיסטישער" יציאת־נשמה...

צענדליקער אַנדערע שרייַבער, אויסער סעגאַלאָוויטשן, האָבן אויך געפּרוּווט אַרייַנפידלען זייער סענטימענטאַלע נאָטע אין די סערענאַדעס צו טלאָמאַצקע 13. דער „טיפערער" מיין פון די דאָזיקע אַלע לויבגעזאַנגען איז אָט וועלכער: געווען אַ מאָל אַ ליטעראַטור אין פּוילן און איר בית־המיקדש איז געווען טלאָמאַצקע 13; איצט, אָבער, איז אַלץ פאַרגאַנגען; נישטאָ, נישטאָ און נישטאָ, און דער עיקר — עס וועט נישט זייַן!

אַזוי איז אויפגעקומען די פאַלשע ראָמאַנטיזירונג פון טלאָמאַצקע 13. די פּאָליטישע אויפגאַבע פון דער דאָזיקער ראָמאַנטיזירונג איז אַ קלאָרע: פּרוּוון פאַרשטעלן מיטן דאָזיקן אויסגעבלאָזענעם ליטעראַרישן באַלאָן די איצטיקע ייִדישע, מלוכיש־סאָציאַליסטישע קולטור־ווירקלעכקייט אין נייַעם פּוילן.

נישט אומזיסט האָט זיך דאָס געלע שרייַבערישע דעזערטירן־קרייַזל אויף רי פּאַטען 9, אין פּאַריז, אַ נאָמען געגעבן טלאָמאַצקע 13, און נישט אומזיסט האָט די ייִדישע ליטעראַרישע רעאַקציע אין בוענאָס־אייַרעס, בשותפות מיט די אימפּאָרטירטע דעזערטירן, אויך געגרינדעט אַזאַ מין שטיקל קלוב אויפן נאָמען פון דער „בודע"...

דער שרייַבערישער דור פון די דרייַסיקער יאָרן, אין קעגנזאַץ צום נאָכמלחמהדיקן דור, איז כמעט אין גאַנצן געווען דורכגעדרונגען, אידעאָלאָגיש אָדער עמאָטיוו, מיט די פּראָגרעסיוו־רעוואָלוציאָנערע אייַנשטעלונגען פון דער נייַער צייַט.

די יונגע ליטעראַטור איז געבוירן געוואָרן מיט אַן אַנטיפאַשיסטישן וואָרט אויף די ליפּן, און דער דאָזיקער אַקטיוו־ליטעראַרישער אַנטיפאַשיזם איז געווען אַזוי בולט, אַז די פאַרשידענע צייטלינס און ניימאַנס האָבן זיך ממש איבערגעשראָקן און כסדר געוואָרנט קעגן דער פּראָלעטקולטישער אָדער פּראָלעטפענישער געפאַר...

אַזוינע ביכער־טיטלען ווי „אין אומרו פון טעג", „צווישן ווענט", און „ברויט און בלייַ", וואָס זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן אינהאַלט פון כמעט אַלע דערשינענע לידער און דערציילונגען, האָבן אָנגעזאָגט וועגן אַ נייַער מאָדע אין דער ייִדישער ליטעראַטור. עס איז דעריבער קיין וווּנדער נישט וואָס געוויסע אַלטמאָדישע עלעגאַנטן, שיינשרייַבער און וואָרעם אין־כריין־אידעאָלאָגן האָבן אַ ציטער געטאָן.

דאָס קיסטלערישע קאַמפּסוואָרט, וואָס די ערשטע יונגטלעכע סימנים זייַנע האָבן זיך באַוויזן אַרום יאָר 1925, האָט, פאַרשטייט זיך, קיין אָפענע ליטעראַרישע טירן נישט געפונען און קיין שום ברוך־הבא מצד דעם בירגערלעכן פּרעסע־וועזן איז אים אַוודאי און אַוודאי נישט אונטערגעטראָגן געוואָרן. האָט זיך אַ גרופּע פּעניוגנט, נישט דווקא קיין אויסגעשפּראָכן־פּראָגרעסיווע, דערטראַכט צו אַן אייגענער צייַטשריפט, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען „שפּראָצונגען". אַרום די „שפּראָצונגען", וואָס האָבן געשפּראָצט אַ קורצע צייַט, האָבן זיך באַוויזן צו גרופּירן אַ 20 נייַע שרייַבער.

שפּעטערצו פלעגן די „ליטעראַרישע בלעטער" עפענען פון צייַט צו צייַט אַ פענצטערל פאַרן דאָזיקן נייַעם וואָרט, און וואָס שייך די ליטעראַרישע בייַלאַגעס פון דער טאָגפּרעסע, האָט זיך דאָרט אַ נייַ און יונג וואָרט געקענט אַרייַנקוועטשן קוים דורכן לאָך פון אַ נאָדל. די בונדישע „וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור", וואָס איז געווען זיכער אַז פּאָליציי וועט זי נישט טשעפּען, האָט נישט זעלטן פּאַראַדירט מיט דיכטערישן אַוואַנגאַרד־שטאָף כדי צו ווייַזן דעם עולם ווי געוואַגט און פּראָלעטאַריש זי איז...

פון אַלע ליטעראַרישע אַכסניות האָט דעם אמתן שרייַבער־אַוואַנגאַרד גענומען ברעכן די ביינער, און ס׳איז קלאָר געוואָרן אַז אָן אַן אייגענעם ווינקל וועט מען זיך נישט קענען באַגיין.

ס׳איז סוף כל־סוף אויפגעשטעלט געוואָרן די מאַרקסיסטישע „ליטעראַרישע טריבונע", אָבער פּונקט ווי אַ רויטע טוך, וואָס צערייצט דעם אָקס, האָט זי גלייַך צוגעצויגן צו זיך די צעיושעטע פּאָליצייִשע הערנער. אַ פאַרפאָלגטע, האָט זיך די דאָזיקע העלדישע צייַטשריפט אַ צייַט לאַנג נישט געלאָזט דעריאָגן. זי איז אַנטלאָפן קיין טשענסטאָכאָוו און אין אַנדערע שטעט...

די שפּעטערדיקע טאָגצייַטונג „דער פרייַנד" האָט אויך אַ ווייַל אַ צעפּראַל געטאָן ברייטע פּערספּעקטיוון פאַרן פאַרפאָלגטן וואָרט, אָבער זי איז יונגערהייט דערשטיקט געוואָרן...

און אַזוי איז געגאַנגען (נישט געגאַנגען...) כסדר. ביזן סאַמע אויפרייַס פון דער ערשטער היטלעריסטישער באָמבע איז דאָס אַנטיפאַשיסטישע וואָרט געווען היימלאָז, אָבער קיין מאָל נישט מוטלאָז און אַוודאי נישט האָפענונגסלאָז...

אַרום דעם וואַרשעווער קערן פון יונגן קינסטלער־דור האָבן

זיך אין דער הויפּטשטאָט אָנגעזאַמלט שרײַבער פון אַלע עקן פּוילן: פון וואָלין און ליטע, פון קרוינפּוילן און גאַליציע. די קרעסן און די וואַרשעווער ייִדישע ראָגן האָבן זיך געטראָפן אין די גרענעצן פון איין ליטעראַרישן אידעאַל.

וואָלין האָט געבראַכט קיין וואַרשע פרילינגדיקן בעז, זומער־דיקן זשאַסמין און האַרבסטיקע געאָרגיניעס. אַלע וואָלינער דיכטער האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך אין שטאָט אַרײַן זייערע קאַיאָרן, זייערע סנאָפּעס, זייערע סטויגן, זייערע ווייצענע מאַרוסיעס — און מער פון אַלעמען **ברוך אָליצקי**. ער איז געקומען מיט פּעאָדאָסיעס און יאַדוויגעס, מיט כוועדאָרן און וואַסילן, מיט פעלדער און טשע־רעדעס, מיט יאַגדעס און קריַיטעכצער, מיט רעגן־בויגנס און שקיעות, אָבער ער האָט אויך געבראַכט דעם דאָרפישן צער פון אונטערדריקטן, וואָס שמאַכט אונטער דער פויסט פון באַצווינגער און די חשבונותדיקע ווירקלעכקייט פון „לאָמע שטעטלעך, אָן קוליעס און אָן ברויט". און אָט דערפאַר טאַקע האָט ער גלײַך אויסגעשריִען: „איך טראָג געבראַזגערײַ פון שויבן אין מײַן זינגענדיקן בלוט".

דעם דאָזיקן דאָרפדיכטער איז אַ לאַנגע צײַט אויסגעקומען אַרומ־צוּוואַלגערן זיך אין דער קרוינשטאָט וואַרשע, וואָס „רוישט אָן אַ שיִער פּייען: פּראָוואָקאַציע, פּראָסטיטוציע, פּולווער און פּחד". דאָ, אין דער האַרטער שטאָט, האָט ער גענומען בענקען נאָך אַ „באַ־גינען־לאַנד" און ער איז געווען זיכער אַז „אַזאַ שטאָקפינצטערניש וויגט אויס אין איר וויג אַ ליכטיקן מולד; דאָס איז אַ בעכער פון לויטערער נחמה אויף דער דלאָניע פונעם שפּעטער"...

פון ווילנער ליטע איז געקומען **מיכאל נאַטיש**, מיט דאָרפישע „זאַבאַוועס" מיט האַרמאָשקעס און מיט גלעקלעך פון פּויערישע זונטיקס און מיט וואָכעדיקן ווייטיק פון אָרעמען באַטראַק. גלײַכ־צײַטיק האָט ער אין זײַן „מוליער הירש" אַרויסגעבראַכט אַ פּיקחת־דיקע פאָלקס־פילאָסאָפיע פון אַ שאַרפזיניקן האָרעפּאַשניק, וואָס צעפּאַלמעסט די שטעטלדיקע גבֿיראָקראַטיע מיט אינסטרומענטן פון טוביה דעם מילכיקערס מאַרקע און וואָס ווײַזט אונדז גלײַכצײַטיק די גאַנצע איצטיקע וועלט אַ סינטעטיזירטע אין אַ טראָפּן שטעטל־דיק לעבן.

דעם ייִדישן און ווײַסרוסלענדישן ווייטיק פון די מזרח־קרעסן האָט אַרויסגעבראַכט ב. שלעווין דורך זײַנע ביכער „צווישן ווענט" און „אַ מאַרש אויף בריסק". די לאַפּע פון פּאָלאָניזאַטאָרישן קאָ־לאָניאַל־רעזשים און פון דער פאַשיסטישער פּרעפּאָטענץ דריקט אויף אַלע געשעענישן פון זײַנע ווערק, וואָס זענען פול מיט אויפ־ברויז און רעוואָלט פון פאַרפאָלגטן מענטשן און מיט מײַסטער־דיקע, ברייט־געשניטענע סביבה־שילדערונגען.

פון שטײַדערשן וואַרשטאַט איז געקומען **משה שולשטיין** און אָנשטאָט צו „ניצעווען הויזן" האָט ער זיך פאַרמאָסטן „איבערצו־ניצעווען אַ וועלטל"...

ער האָט שנעל אויפגעזאַמלט אין זײַן עקספּרעסיוון פּערז דעם גאַנצן ווײ, דאָס גאַנצע אומרעכט און אַלע בענקענישן פון דער פּראָלעטאַרישער מאַסע, אָבער געוואָרן איז ער אַ הויפּטפיגור נישט נאָר אויפן מוראַנאָווער און סטאַווקער פּראָלעטאַרישן פּאַרנאַס, נאָר אויך אין טיפן שטעטלדיקן הינטערלאַנד און אין דער גאַנצער אַוואַנגאַרד־ליטעראַטור.

בלײַ ווערסום בלוט, שווער־געקאָוועטע קראַטן ווערסום קאַמפּס־יוגנט, באַגנעטן ווערסום דער אַרבעטער־פאָן, געשוואָלענע פּראָ־פיטן ווערסום געשוואָלענעם הונגער, נאַפּט ווערסום בלוט, אימפּעריאַליסטישע אינטערווענץ ווערסום סאָציאַליזם, און איבער אַלץ — שטאָלענער גלויבן אינעם מאָרגנרויט ווערסום דער אָנגע־זאָפּלטער טיראַנישקייט פונעם חושכדיקן הײַנט — אַזעלכע זענען געווען די מאָטיוון פון זײַנע לידער.

די שפּראַך — אַ שלאָגיקע, אַ דינאַמיש־בילדערישע, אַ ציל־טרעפנדיקע, האָט געניוי אינטערפּרעטירט די געפילן פון צענדליקער טויזנטער, און דערפאַר איז דער רעציטאַטאָרישער רעפּערטואַר גע־ווען שטענדיק אָפּן פאַר זײַנע פּערזן, וואָס האָבן זיך געטראָגן ווי ליכטיקע „צונגען" צום אומפאַרמײַדלעכן ענדציל...

דער וואַרשעווער בינעם העלער האָט מיט שטילע לירישע מיט־לען פאַרבונדן זײַנע אינטימע איבערלעבונגען מיט די סאָציאַלע יסורים פון זײַן קלאַס און מיטן בונטאַרישן געמיט־צושטאַנד פונעם „דור וואָס קלעטערט, קלעטערט אַרויפצו צום טורעם מיט פאָן און מיט האָר געצוואָגענע אין שטורעם".

ער איז נישט קיין סתם־באַשרײַבער און באַזינגער פון פּאַטע־טישע געשעענישן אָדער דערשיטערנדיקע צושטאַנדן, נאָר אַ דירעקט־טער מיטלעבער, אַן אינעווייניקסטער אָנטייל־נעמער. אַלע זײַנע פּערזענלעכע איבערלעבונגען, די סאַמע משפּחהדיקסטע, די סאַמע איכיקסטע, טראָגן נישט קיין אָפּגעשלאָסן־פּריוואַטן כאַראַקטער, נאָר שלאָגן זיך דורך דורכן „אומרו פון טעג", דורך דער פּריזמע פון דער פאַררייכערטער צײַט.

זײַנע סובטעלע אַרויסגעבראַכטע שפּירונגען זענען נאָך אַנאַנד געפּאָרט מיט רעוואָלוציאָנערער אַנטשלאָסנקייט און זענען געוויקלט אין אַ היימיש־פּשוטער, לײַוונטענער שפּראַך.

ד. ספאַרד, איינער פון די באַדײַטנדיקסטע אינטעלעקטואַלן און קולטור־טעאָרעטיקער פון שרײַבערישן אַוואַנגאַרד, האָט אָנגע־הויבן מיט האַרציקער פּאָעזיע און אויך מיט בעלעטריסטיק. ער איז אַריבער צו מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קריטיק, קולטור־עסייִסטיק און באַהאַנדלונג פון געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען, אַרויסווײַזנדיק דערבײַ פײַנע ערודיציע סײַ אין די ייִדישע קולטור־אוצרות, סײַ אין דער פריש־אָנגעוואַקסענער ליטעראַטור־שאַפונג און סײַ אין מאַרק־סיסטישן וויסן, אָנגעווענדט אויף ליטעראַטור און געזעלשאַפט־קענ־טעניש.

אויף דער זעלבער ליניע פון גרענעצלאָזער טרײַהייט צום פאָלקסלעבן און פון פּרענעטישער ליבע צו די הומאַניסטישע אידע־

משה שולשטיין

אלן פון דער יונג־רעוואָלוציאָנערער וועלט, זענען אין זייער שאַפן געגאַנגען: דער ראָמאַניסט און פאַבל־דיכטער ל. אָליצקי, די פּראָזאַיקער: ד. מיצמאַכער, ש. בערלינסקי, מ. דזשיאַלאָווסקי; די דיכטער: קלמן ליס, י. זילבערשטיין, י. ל. קאָהן, ש. וואָלמאַן, ב. געלמאַן, און נאָך און נאָך, צווישן זיי אַ סך יונגוואַרג אין די צענדליקער און צוואַנציקער.

אָן אַ זײַט פון דאָזיקן יוגנטשטראָם, וואָס האָט געפּלייצט אין דער ריכטונג צום פּרילינג, זענען דערשינען י. לערערס „מײַן היים" און ל. ראַשקינס „די מענטשן פון גאָדלבאָזשיץ", וווּ ס'איז ווידער אַ מאָל אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין פּאָעמאַטישער פּאָעזיע און אין אַנאַליטישער פּראָזע דאָס שטעטל וואָס קרישלט זיך און צעגייט ווי שניי... בדרך־כלל האָט אָבער אין דער גאַנצער יונגער ליטעראַטור פון די מיטעלע דרײַסיקער יאָרן דאָמינירט דער גײַסט פון קאַמף, דער גײַסט פון בעליגעראַנץ און פון אַקטיווער באַטייליקונג אינעם מאַרש פון דער פאָראויסגייענדיקער מענטשהייט.

מען קען רעכענען אַז אין גאַנץ פּוילן האָבן אַרום 100 שרײַבער, צווישן 18 און 40 יאָר, מאָביליזירט פרײַוויליק זייער שאַפן אויפן אַנטיפאַשיסטישן ליטעראַטור־פראָנט, וואָס האָט זיך פון „יונג ווילנע" געצויגן דורכן קנופּצענטער וואַרשע, דורך לאָדזש, ביז צו לעמבערג.

די דאָזיקע אַנטיפאַשיסטישע ליטעראַטור־ליניע האָט געשטאַרקט דאָס פאַרקלעמטע האַרץ פון דער יידיש־פּוילישער יוגנט און האָט זיך שפּעטער אָוועקגעצויגן אין די געטאָס און אין די פּאַרטיזאַנישע וועלדער, מיט דער זעלבער אַנטשיידנקייט און מיטן זעלבן שטאָלץ, אָבער מיט מער פּולווער און מיט מער בלוט...

גאָר אַ סך פון די פאַרטיידיקער פון דער דאָזיקער אידעיִשער ליניע זענען געבליבן אונטער די חורבות, גאָר ווייניק האָבן פאַרראַטן און אויסגעקליבן דעם קראַוטשערגינסקישן שאַנדוועג, און די איבעריקע פירן איצט אָן מיט דער מלוכישער יידישער קולטור אין סאָציאַליסטישן פּוילן און מיט די זיגערישע קולטור־פאַרמעסטן אין יידישן פראַנקרײַך.

שלוסוואָרט

במשך פון די 50 יאָר, וואָס גרענעצן זיך מיט דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז דאָס יידישע לעבן צוגעקומען צו דער ליניע פון היסטאָרישע אַנטשיידונגען.

דאָס זענען געווען יאָרן פון ראַשיקע עליות און ירידות, פוןווירטשאַפטלעכע, סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע, רעוואָלוציאָנערע און מלחמה־אויפטרייסלונגען; יאָרן אין וועלכע רענעסאַנס און אומקום, הומאַניזם און רעגרעס האָבן נישט אויפגעהערט צו ראַנגלען זיך איינס מיטן צווייטן. אין ברען פון דאָזיקן נײַצײַטיקן געראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס, איז דאָס יידישע לעבן מאָדערניזירט געוואָרן און דערוואָרבן פאָרמעל בירגערלעכע גלייך־באַרעכטיקונג. אָבער די שטעטלדיקע ווירטשאַפט־סטרוקטור איז צעקרישלט געוואָרן, די קלאַסן־דיפערענצירונגען זענען געוואָרן פאַרשאַרפט און דער אַגרעסיווער אַנטיסעמיטיזם איז געוואָרן אַלץ מער און מער זאָאָלאָגישער.

אין באַגין פון דער דאָזיקער תקופה האָט דאָס דערוואַכטע לעבן עמאַנציפּירט ליטעראַריש די פאָלקסשפּראַך פון די יידישע מאַסן און דערהויבן זי אויף אַ גרויסאַרטיקן אופן. במשך פון די 50 יאָר האָט די יידישע ליטעראַטור אַ פענאָמענאַלן וואַקס אויסגעטאָן און געשטעלט אין שאָטן דאָס גאַנצע יידישע שאַפן פון די לעצטע 700 יאָר.

וואַרשע, ווי דער לעבנס־צענטער פון פּוילישן יידנטום, ווי דאָס זיצאָרט פון פאָלקס־מאַיעסטעטישן ליטעראַטור־פּאַטריאַרך יצחק לייבוש פּרץ און ווי די מעטראָפּאָליע פון ווײַטערדיקע ליטעראַרישע דורות, האָט געשפּילט אַן עיקרדיקע ראָלע אין דער דאָזיקער גײַסטיקער מזל־ברכה.

די 50 היסטאָרישע יאָרן לאָזן זיך אײַנטיילן אין 4 פּעריאָדן:

1) דער לעצטער יאָרצענדליק פון 19טן יאָרהונדערט, ווען דער יונגער פּרץ האָט געעפנט וואַרשע פאַר דער יידישער ליטעראַטור און הויך צעוויקלט זײַן סאָציאַל־אַוואַנגאַרדישן פונקענוואָרט, זײַן מיליטאַנטישע קעמפערישקייט פאַרן „ראַדיקאַל־פאָרשריטלעכן יידישן געדאַנק" און זײַן לײַדנשאַפטלעכע שטרעבונג צו זײַן אַ „סדום־איבערקערער".

2) דער 15יאָריקער פאַרמלחמה־פּעריאָד, אין וועלכן ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער ערשטער גרויסער אַלגעמיין־ליטעראַרישער שאַפונגס־פּראָצעס, וואָס זײַן אָנהייב האָט געלויכטן אין רעוואָלוציאָנערן באַגין פון 1905 און וואָס זײַן סאָציאַלער פּאַטאָס האָט ביסלעכווײַז נאָכגעלאָזן, ביז צום פאַרשווינדן.

3) דער 15יאָריקער מלחמה־ און נאָכמלחמה־פּעריאָד, ווען די יידישע ליטעראַטור האָט גוואַלדיק־שנעל אַ וואַקס געטאָן קוואַנטיטאַטיוו און קינסטלעריש, אָבער נישט גענוג אידעיִש, אויף צו קענען באַפרידיקן ווי ס'געהער צו זײַן די נײַוועלטיקע עמאָציע און האָפענונגען פון אַ מיליאָניקער הויך־אידעאַליסטישער יוגנט.

4) דער לעצטער יאָרצענדליק אונטערן פּראָפאַשיזם, ווען עס איז אויפגעקומען אַ יונג־מיליטאַנטישער ליטעראַרישער דור, אַ דור וואָס האָט מיטגעשפּרײַזט מיט דער צײַט, לענגויס אַ באַשטימטער קאַמפּסליניע און וואָס האָט אַרויסגערוקט דאָס ליטעראַרישע שאַפן אינעם אַוואַנגאַרד פון די סאָציאַלע פאַרמעסטן.

דער ערשטער און דער לעצטער יאָרצענדליק פון די 50 ליטעראַרישע יאָרן האָבן זיך אידעיִש צוזאַמענגעטראָפן. דער לעצטער יונגער יאָרצענדליק האָט איבערגענומען פּרצעס פלאַמיקע יוגנט־געבאָטן, פּרצעס נבואה וועגן דער היסטאָרישער האַק וואָס וועט צעפיצלען דעם אַלטן סדר, פּרצעס לאָזונג וועגן איבערקערן סדום, פּרצעס וויזיע וועגן אַ נײַער יום־טובדיקער וועלט אויף די חורבות פון דער צעשטערטער רויב־אָרדענונג, פּרצעס פעסטשטעלונג אַז:

„אַלץ וואָס שטיקט,
דריקט,
לעבט פון רויב
און ווערט פאַרגעטערט,
מוז ווערן צעשמעטערט.
ער גייט, דער נײַער מענטש, דער העלד,
אויף גאָט און וועלט,
אויף תפיסות און קייטן;
איך הער אים פון ווײַטן,
איך זע אים די אָרעמס צעשפּרייטן;
אָט טרײַבט ער אין פולן גאַלאָפּ,
ער גייט, דער נײַער מענטש, ער קומט!"

די סדום־איבערקערער פון לעצטן יאָרצענדליק האָבן אויסגעפילט אויף אַ פּרעציזן אופן זייער ליטעראַרישן חוב, און נאָך דעם

ווי זיי האָבן געהאָלפן איבערקערן דאָס האַקנקרײַצלערישע סופער־סדום, בויען זיי איצט אין פוילן די וועלט פון יענעם נײַעם מענטשן, וואָס האָט געלעבט אין מלוכיש טרוימען מיט 50 יאָר צוריק.

דאָס יונגוועלטיקע פוילן, די נײַגעבוירענע וואַרשע, טוליען צו צו זיך מיט ברידערלעכער פאָלקסליבע די ייִדישע רעשטלעך און באַמיִען זיך אַז דאָס ייִדישע לעבן, וואָס איז אין די פאַנסקע צײַטן געוואַקסן מיטן קאָפּ אַראָפּ, זאָל וואַקסן פרײַ און מלוכיש מיטן קאָפּ אין דער הייך. און כאָטש דער ווייטיק פון דער גרויליקער פאַרשניטנקייט קען נישט געמילדערט ווערן, טוט אָבער די מלוכה אַלץ, אַז די איצטיקע ייִדישע עקסיסטענץ זאָל פול זײַן מיט פרייד.

צי קען מען זיך דען פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן עליה, וואָס פאַראַ סטראַטאָספערישע הייכן עס וואָלט דערגרייכט די ייִדישע קולטור אין פוילן, ווען די אומגעקומענע מיליאָנען וואָלטן נישט אומגעקומען, נאָר דערלעבט די איצטיקע באַדינגונגען פון סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרײַונג? אין אָנבליק פון דער דאָזיקער טראַגיש־אומפאַרווירקלעכטער מעגלעכקייט קען מען זאָגן, אַז אונדזער אומגליק אויפן סעקטאָר פון פוילן איז גרויס נישט נאָר צוליב דער פיזישער אויסראָטונג פון איבער 3 מיליאָן ייִדן, נאָר אויך צוליב דעם וואָס די דאָזיקע מיליאָנען האָבן, דורך זייער אומקום, זיך אויסגעמיטן מיט די היסטאָרישע באַדינגונגען פון נײַעם מלוכישן סדר אין פוילן.

שוין 10 יאָר ווי די איבערגעבליבענע צענדליקער טויזנטער געניסן פון אַ גרויסאַרטיקער ייִדישער קולטור־ווירקלעכקייט. גענוג צו ברענגען איין איינציקן בײַשפּיל: ייִדישע ביכער דערשײַנען אין פוילן אין 5.500 קאָפּיעס, דאָס הייסט אין אַ פיר מאָל גרעסערער צאָל עקזעמפּלאַרן ווי אין פאַרמלחמהדיקן פוילן, וואָס האָט געהאַט 50 מאָל מער ייִדן!... און געדרוקט ווערט נישט נאָר די איצטיקע ייִדיש־פוילישע ליטעראַטור, נאָר אויך טיילן פון דער קולטור־ירושה. דאָס בעסטע פון די 50 ליטעראַרישע יאָרן געפינט איצט אַ פאַרלעגערישן תיקון אין סאָציאַליסטישן פוילן.

די ייִדישע ליטעראַטור, וואָס האָט אין דער נײַפוילישער ווירקלעכקייט געפונען אַ באַוואָרנטן מלוכישן מקום־מנוחה, איז אַרײַנגעטאָן מיט לײַב און לעבן אין איר נײַעם קאָנסטרוקטיוון לעבנסעטאַפּ און אין אירע ייִדישע און אַלפוילישע פאַרמעסטן. מיטן געירשנטן אימפּעט פון די פאַרשניטענע מיליאָנען, מיט די איבערגענומענע פּראָגרעסיווע קולטור־טראַדיציעס פון די לעצטע 50 יאָר און מיט איר סאָציאַליסטישן אָפּטימיזם, בויט זי, אויף איר ייִדישן קולטור־שטייגער, די הומאַניסטישע פאָלקסקונסט פון דער נײַער געזעלשאַפט.

יצחק טורקאָוו־גרודבערג (ווראָצלאַוו—פּוילן)

וואַרשע, דאָס וויגעלע פון יידישן טעאַטער

.1

— „וואַרשע, די שטאָט פון טויזנט פאַרבן" — אַזאַ ליד איז געזונגען געוואָרן אין יִדישן טעאַטער אין צווישנמלחמה־פּעריאָד.

צי זאָל עס זײַן אַן אויסדרוק פון דער באַזונדערס אינטימער פאַרבינדונג פון יִדישן טעאַטער מיט דער שטאָט וואַרשע? האָט מען דאָך געזונגען לידער אויך וועגן שטעטעלע בעלז, וועגן לעבעוויטש און טשיזשעוו, וועגן ביאַליסטאָק און אַדעס — און וויפל שטעט און שטעטלעך זענען דערמאָנט און באַזונגען געוואָרן אין רעפּערטואַר פון יִדישע אָפּערעטעס און מעלאָדראַמעס, ווי אַן אויסדרוק פון בענקשאַפט נאָך דער „גוטער היים", וואָס האָט געלעבט אין געדעכעניש פון עמיגרירטע יִדישע פאָלקסמענטשן! ניין, נישט דאָ ווען מיר זוכן דעם אויסדרוק פון לאַנגיאָריקן צוזאַמענבונד פון יִדישן טעאַטער מיט דער שטאָט וואַרשע. דער צוזאַמענבונד האָט זײַן פעסטערן שורש אין דער געשיכטע — אין דער געשיכטע פון יִדישן טעאַטער. ווײַל וואַרשע איז געווען דאָס וויגעלע פון יִדישן טעאַטער.

מיר ווילן דערמיט נישט צונעמען די בכורה בײַ דער ליבער שטאָט יאַס אין רומעניע, ווו אַברהם גאָלדפאַדען האָט אין יאָר 1876 פונאַנדערגעוויקלט זײַן ערשטן אָרעמען טעאַטער־געצעלט, פון וועלכן עס האָט אַ שטראָם געטאָן מיט יִדיש טעאַטער איבער גאָר דער וועלט. יאַס בלײַבט אין דער געשיכטע אַלס וויגעלע פון דעם גאָלדפאַדען־טעאַטער — פון דעם טעאַטער וואָס האָט זיך שוין פעסט אײַנגעבירגערט אין יִדישן לעבן אומעטום און וואָס זײַנע פאַרשידענע גילגולים, נאָכוווּקסן, אַנטוויקלונגען און פאַרקריפּלונגען לעבן נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג. אָבער דאָס וויגעלע פון וועלטלעכן, פאָלקסטימלעכן, פאָלקס־באַווירקנדיקן יִדישן טעאַטער איז געווען וואַרשע — אַ סך יאָרן פאַר גאָלדפאַדענען.



אַברהם גאָלדפאַדען

שוין אין די דרײַסיקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט זענען פאַראַן אין דאָקומענטן פאַרפיקסירטע באַווײַזן וועגן דער עקסיסטענץ און פּרוּוון אויסצוברייטערן דאָס יִדישע טעאַטער אין וואַרשע. דער היסטאָריקער ד"ר י. שאַצקי ציטירט אַ ריי אַזעלכע דאָקומענטן אין זײַן אַרבעט „די עלטסטע געשיכטע פון יִדישן טעאַטער אין וואַרשע", דער עיקר — די רײַזע־באַשרײַבונג פון דײַטשן סוחר גערינג וועגן זײַן באַזוך אויף אַ יִדישער פאָרשטעלונג בעת זײַן ווײַלן אין וואַרשע. די פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין טאַנצזאַל פון שענק אונטערן נאָמען „אונטער די דרײַ נעגערס", קורץ נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1831, און איז געווען איינע פון אַ ריי אַזעלכע פאָרשטעלונגען. אין דער דערמאָנטער אַרבעט ווערט געבראַנגט אַ ריי באַווײַזן וועגן שפּילן יִדיש טעאַטער אין וואַרשע אין יאָר 1838. גאָר אינטערעסאַנט איז די קאָרעספּאָנדענץ אין „זשורנאַל דע פראַנקפורט" פון יאָר 1838:

„שוין עטלעכע יאָר ווי די פאַרוואַלטונג פון אונדזער הויפּטשטאָט האָט באַקומען פון דער רעגירונג דאָס רעכט אויפצושטעלן דאָ אַ טעאַטער, ווו מען שטעלט פאָר פּיעסעס אין דער העברעיִשער שפּראַך... דאָס טעאַטער... האָט זיך סוף־כל־סוף געעפנט דעם לעצטן מאָנטיק (דעם 5טן נאָוו' 1838) מיט אַ דראַמע אין פינף אַקטן, טייל אין גראַמען, טייל אין פּראָזע, מיטן טיטל „משה" (ציטירט פון ד"ר מ. ווײַנרײַכס אַרבעט, לויט י. מעסטלס אַרטיקל אין „יִדישע קולטור" נומ' 3, 1952).

דאָ רעדט זיך דאָך בולט וועגן אויפשטעלן אַ שטענדיק יִדיש טעאַטער!

צי איז דען אַ ווייניק וואָגיקער באַווײַז וועגן דער עקסיסטענץ פון אַ יִדישן טעאַטער אין וואַרשע דער פאַקט וואָס אין יאָר 1839 האָט אַ געוויסער דוויד טורקוס באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער רוסישער מאַכט צו געבן 8 פאָרשטעלונגען אויף יִדיש און וואָס אין יאָר 1840 ווענדט זיך אַ געוויסער דוויד העלין וועגן אַ דערלויבעניש אויף 15 פאָרשטעלונגען? אוודאי ווייסן מיר ווייניק פּרטים וועגן די פאָרשטעלונגען אין דעם טעאַטער, און נאָר אונדזער פאַנטאַזיע וואָלט געקאָנט אַרויסהעלפן אין שאַפן זיך אַ בילד דערפון. נאָר די פאַקטן רעדן דאָך וועגן אַ דויערהאַפטיקן לעבן פון יִדישן טעאַטער אין וואַרשע אין יענע יאָרן, וועגן אַ באַדערפעניש פון אַזאַ טעאַטער. אָבער גאָר דער בעסטער באַווײַז וועגן דער עקסיסטענץ און ווירקונג פון יִדישן טעאַטער אין יענע יאָרן זענען די פאַרבאָטן וואָס זענען געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון מסירות און

אינטערווענצן פון די קהלישע תקיפים (אַ ריי אַזעלכע דאָקומענטן ווערן געברענגט דורך ב. גאָרין און נח פּרילוצקי אין זייערע ווערק). זיי באַשטעטיקן אַז דאָס יִדישע טעאַטער איז שוין דאַן געווען אַן אמתע פאָלקס־אינסטיטוציע מיט אַ גרויסער ווירקונגסקראַפט אויף יִדישע פאָלקסמענטשן — בעלי־מלאכות, משרתים, דינסטן — און אויך אויף נישט־יִדישע, וויַיל פון אַ ריי דאָקומענטן איז אַרויסצודרינגען אַז אין טעאַטער פלעגן אויך קומען פּוילישע פאָלקסמענטשן, וואָס דאָס זאָגט עדות וועגן אַ נאָענטן צוזאַמענלעבן פון דער אָרעמקייט אין יענע יאָרן און אַז דאָס איז שוין דאַן געווען אַ דאָרן אין אויג פון די קהלישע תקיפים און פון דער אָקופּאַנטישער אַדמיניסטראַציע. די פאָלקספיַינטלעכקייט פון קלער און פון דער אַסימילירטער פּלוטאָקראַטיע — די צוויי כוחות וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין וואַרשעווער יִדישן לעבן — האָט גיך געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיטן אונטערדריקונגס־אַפּאַראַט פון צאַריזם ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן נישט דערלאָזן אַז פאָלקסמענטשן זאָלן אויפהייבן די קעפּ, זאָלן אַ לאַך טאָן, אַ טראַכט טאָן, דערפילן דעם אָטעם פון קאָלעקטיווער פאַרבינדונג, וואָס טעאַטער האָט זיי געגעבן.

דער דרוק פון דער צאַריש־קהלישער קאָאַליציע פון פינצטערניש האָט טאַקע באַוויזן דאַן צו דערשטיקן דעם אָנהייב פון יִדישן טעאַטער אויף אַ סך יאָרן. יעדן פאַל — אין זיַין עפנטלעכער און לעגאַלער פאָרעם. וויַיל יאָרן לאַנג פעלן וועלכע עס איז שפּורן וועגן דער עקסיסטענץ פון אַ יִדיש טעאַטער אין וואַרשע, ביז זיי טויכן ווידער אויף אין יאָר 1866. לויט אַ באַריכט פון „המליץ" (ציטירט אין ד"ר שאַצקיס פריִער דערמאָנטער אַרבעט) ווערן מיר געוווּיר וועגן יִדישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען פון אַן אַנטיחסידישן כאַראַקטער אין סאַמע האַרץ פון וואַרשעווער יִדישן קוואַרטאַל — אויפן גזשיבאָוו — און שפּעטער (צוליב שאַרפע פאַרפאָלגונגען פון די חסידים) אַריבערגעטראָגן אויף די נאַלעווקעס.

נאָך ריַיכער זענען די ידיעות וועגן יִדישן טעאַטער וואָס האָט פונקציאָנירט אין וואַרשע אין די יאָרן 1868—1870 אונטער דער דירעקציע פון אַ געוויסן בעלאַו. פאַראַן שוין וועגן דעם ידיעות אין דער פּויליש־יִדישער ציַיטונג „איזראַעליטאַ" און אַפילו אַ וואַרשעווער קאָרעספּאָנדענץ אין אַן ענגלישער ציַיטונג (ד"ר י. שאַצקי). לויט אַלע ידיעות דרינגט אַרויס אַז דאָס איז געווען אַ שטענדיק, פּראָפעסיאָנעל טעאַטער. עס איז באַזונדערס כדאַי זיך אָפּצושטעלן, אויף עטלעכע אַספּעקטן וויַיל עס וואַרפט אונדז אַ שיַין אויף דעם כאַראַקטער פון טעאַטער: 1) די פּראָגראַמען זענען געווען געדרוקט אין דיַיטש, רוסיש און פּויליש, וואָס איז דאַן, קורץ נאָכן אויפשטאַנד פון 1863, געווען פאַרפאָלגט דורך דער צאַרישער מאַכט — און איז אַ סימן אַז די פאָרשטעלונגען פלעגן ווידער צוציִען אַ באַדיַיטנדיקן נישט־יִדישן עולם; 2) די פרויענראָלן זענען נאָך — ווי ביַי די פריִער־דערמאָנטע פּרוּוון — געשפּילט געוואָרן דורך מענער (פּונקט ווי אין די ערשטע גאָלדפאַדען־פּרוּוון), אַ סימן אַז אָדער דאָס טעאַטער האָט נאָך נישט געהאַט קיין כוח אָדער מוט צו מאַכן דעם דורכבראָך אין יִדישן לעבן — צו עמאַנציפּירן די פרוי — אָדער אַז עס האָבן זיך נאָך נישט געפונען קיין פרויען וואָס זאָלן ריזיקירן צו שפּילן טעאַטער (וויַיל גיין אין טעאַטער זענען זיי שוין געגאַנגען, ווי עס דרינגט אַרויס פון די טעקסטן פון די עלטסטע מסירות); 3) די פאָרשטעלונגען זענען פאָרגעקומען אין אַ ספּעציעלן זאַל אויפן מוראַנאָוו, וואָס קאָן אונדז שטויסן צום געדאַנק אַז דאָס איז געווען דער אָנהייב פון באַרימטן מוראַנאָווער טעאַטער, די בודע, וואָס האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון יִדישן טעאַטער אין וואַרשע. וועגן דעם וועט אונדז נאָך אויסקומען צו דערמאָנען.

2.

אויף אַזאַ פרוכטבאַרן באָדן פון צענדליקער יאָרן פאַרמעסטן, פון אַ טעאַטער־אויפנעמענדיקן עולם און פון טיילוויַיז צוגעגרייטע אַקטיאָרישע כוחות, זענען גיך אויפגעקומען די זוימען פון גאָלדפאַדען־טעאַטער. קאַרגע ידיעות, וואָס זענען פאַראַן פון יענער ציַיט (בעיקר אין פאַרשידענע ביאָגראַפיעס און ז. זילבערצוויַיגס „לעקסיקאָן פון יִדישן טעאַטער"), דערציילן וועגן גאָלדפאַדענס אַריַינדרינגען צווישן די „בראָדער זינגער"־גרופּעס אין וואַרשע אין אָנהייב פון די אַכציקער יאָרן. די „בראָדער זינגער", פון וואָלף ליטוואַקס גאָרטן אויף פראַנטשישקאַנער, טראָגן זיך אַריבער מיט די ערשטע גאָלדפאַדען־פּיעסעס אין אַ טעאַטער — אויפן מוראַנאָוו. בעלאַוס אַקטיאָר, דוויד שוואַרצבאַרד, אָרגאַניזירט אַ טרופּע אין וואַרשע און הייבט אָן מיט איר טעאַטער־וואַנדערונגען איבער דער פּראָווינץ. אַ גרופּע אַקטיאָרן, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער גאָלדפאַדען־טרופּע, קומט קיין וואַרשע (בראש מיט ספּיוואַקאָווסקין), שפּילן גאָלדפאַדען־רעפּערטואַר אין טעאַטער „בוף" (שפּעטער „עלדאָראַדאָ"), אַ טעאַטער־בנין וואָס האָט אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון יִדישן טעאַטער אין וואַרשע. עס מערט זיך די צאָל יונגוואַרג, בעלי־מלאכות און יונגע־ליַיט, געקומענע זוכן גליק אין דעם וואַרשעווער שמעלצטאָפּ, וואָס נעמען זיך צו יִדיש טעאַטער אין וואַרשע און אין דער פּראָווינץ. און ווידער ווערט געשטערט זייער וווּקס און זייער אַרבעט צוליב דעם פאַרבאָט פון יִדיש טעאַטער אין גאַנץ רוסלאַנד (1883). די צאַרישע הערשער ווילן דערשטיקן דעם וואַקסנדיקן רעוואָלוציאָנערן שטראָם מיט תליות, רדיפות, פּאָגראָמען. יעדער פּרוּוו פון פריַיען אָטעם פון די פאָלקסמאַסן ווערט דערשטיקט. ווילן די הערשער אויך דערשטיקן דאָס יונגע קינד פון אויפוואַכנדיקן יִדישן פאָלקסלעבן — דאָס יִדישע טעאַטער. נאָר די באַדערפעניש פון טעאַטער ביַי די יִדישע מאַסן איז שוין צו גרויס מען זאָל עס אַזוי ליַיכט קאָנען דערשטיקן. געפינט מען פאָרטלען, אויסוועגן, מאַסקעס. אַזאַ מאַסקע פון „דויטש־יִדישן" טעאַטער טוט אָן גאָלדפאַדן אויף זיַין באַשאַף און אונטער דער מאַסקע הייבט ער אָן אין יאָר 1885 זיַין טעטיקייט אין וואַרשע. בשותפות מיט דער רוסישער דירעקטאָרין פון טעאַטער „בוף" אויף דלוגע־גאַס (אין צווישנמלחמה־פּעריאָד איז דאָרט געווען דאָס פּאָפּולערע פּוילישע „באָגוסלאַווסקי"־טעאַטער) — פירט ער קנאַפּע צוויי יאָר דאָס יִדישע טעאַטער אין וואַרשע. דאָ שאַפט ער זיַין פּיעסע „אחשורוש", דאָ פירט ער אויף זיַינע אַלטע פּיעסעס און דער דערפאָלג איז אין אין לשער. גענוג צו זאָגן אַז „שולמית" איז



הערמאַן בירמאַן

דאַן געשפּילט געוואָרן 150 מאָל בײַ פול געפּאַקטע זאַלן פון דעם גרויסן טעאַטער. גאָלדפאַדען געפינט אַלטע וואַרשעווער אַקטיאָרן פאַר זײַן טעאַטער, עס באַווײַזן זיך אַלץ נײַע טאַלאַנטן, פרישע כוחות. עס וויל שוין פּרוּוון איר באַגאַבונג אין וואַרשעווער גאָלדפאַדען־טעאַטער די יונגיטשקע אסתר רחל האַלפּערן, די שפּעטערדיקע „מאַמע פון יִדישן טעאַטער”, אסתר רחל קאַמינסקי. אָבער אַ שוואַרצע קאַץ לויפט דורך צווישן גאָלדפאַדענען און זײַן שותפטע. גאָלדפאַדען פאַרלאָזט וואַרשע און מיט אים גייט אַוועק דאָס „דײַטש־יִדישע” טעאַטער. נאָר יִדיש טעאַטער לעבט ווײַטער אין וואַרשע. עס לעבט דורך געוועזענע גאָלדפאַדען־אַקטיאָרן, דורך פריש צוגעקומענע אַמאַטאָרן, וועלכע כאַפּן אַרײַן פאָרשטעלונגען אין פאַרשידענע זאַלן. עס רוט נישט דוויד שוואַרצבאַרד און זײַן זון גוסטאַוו, הערמאַן בערמאַן און זײַן ברודער אַדאָלף, פײַנשטיין, ראָטשטיין; עס הייבן אָן צו זוכן אַ טעאַטראַלע אויסלעבונג אברהם יצחק קאַמינסקי און יעקב ליבערט, בעני אַבעלמאַן און טיטלמאַן. עס וואַקסט די צאָל פון די וואָס גאַרן אויסצולעבן זיך אין טעאַטער און פון די וואָס דאַרפן טעאַטער צו זייער פולער אויסלעבונג. זיי פאַרבינדן זיך מיטן באַקאַנטן דײַטש־פּוילישן אַקטיאָר יוליוס אָסקאַר — און ווידער הייבט מען אָן אין וואַרשעווער „עלדאָראַדאָ” בײַ דער אָלגינסקאַיאַ צו שפּילן גאָלדפאַדענס „כישוף־מאַכערין”, מיטן דעבוט פון אסתר רחלען אַלס „מירעלע” — דער אָנהייב פון איר רומפולן וועג אין יִדישן טעאַטער. פון „עלדאָראַדאָ” אין וואַרשע פאָרן אַרויס אויף זייער גרויסן וואַנדערוועג אסתר רחל און אַברהם יצחק קאַמינסקי מיט אַ גרויסער גרופּע זייערע חברים פון דער טרופּע, און אין וואַרשעווער „עלדאָראַדאָ” ראַנגלט זיך אַ צײַט ספּיעוואַקאָווסקי מיט אָסקאַרן, פּרוּוונדיק אַ גלאַנץ טון מיט „אוריאַל אַקאָסטאַ”. אויפן אָרט פון די אַוועקגעגאַנגענע מיט קאַמינסקין געפינען זיי נײַע טאַלאַנטן צווישן דער יִדישער יוגנט. דאָס טעאַטער אָבער פאַלט, עס קאָן זיך נישט ראַנגלען מיט די שוועריקייטן. עס פאַרלירט אויך דעם עולם. אפשר דערפאַר ווײַל אָסקאַר זוכט עס אַלץ מער צו „פאַרדײַטשן”. (ער האָט אפילו אין יאָר 1927, קורץ פאַר זײַן טויט, זײַענדיק כמעט אַ נײַנציקיאָריקער זקן און מיטווירקנדיק — ווי אַ עמעריט — אין וואַרשעווער יִדישן קונסט־טעאַטער „וויקט”, נאָר אַלץ נישט געקאָנט אַרויסקריכן פון זײַן דײַטשער הויט). עס איז שווער גענוי פעסטצושטעלן די סיבות, — אַ פאַקט אָבער בלײַבט אַז דאָס „יִדיש־דײַטשע” טעאַטער אין וואַרשע ווערט אַנטשוויגן. נאָר אין זאַלן און זאַלעכלעך, אין געהיים, האָבן אַלץ געווירקט יִדישע טעאַטער־כוחות, געשאַפן קרײַזן און געלאָזט זיך אין וואַנדערונגען פון יִדישן טעאַטער. דאָס זענען געווען קרײַזן פון אַ ריין נאָכמאַכערישן כאַראַקטער, וואָס האָבן נישט געהאַט פאַר זיך קיין פּראָגראַם, וואָס האָבן זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון פאַר וואָס זיי ווילן טעאַטער און צו וואָס זיי גייען אין טעאַטער. עס איז געווען אַ סטיכישער אויסבראָך פון יאָרהונדערטער געשטיקטע פאָלקס־כוחות, וואָס האָבן מיט זייער גיין אין טעאַטער געריסן די צוימען פון אַלטן שטייגער, רעוואָלטירט קעגן דער אַרומיקער פינצטערניש און אונטערדריקונג, רעוואָלטירט הפקרדיק, אָפט מאָל נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון דערפון. דאָס איז געווען דער נאָרמאַלער שטראָם אין די קרײַזן. שפּעטער האָבן שוין צו ביסלעך אָנגעהויבן צוצוקומען מענטשן מיט אַן אידעע, מיט אַ פּראָגראַם, מיט אַ באַוווּסטזיניקער שטרעבונג צו קינסטלערישער אויסלעבונג, ווי דער קרײַז פון דוויד הערמאַן, געגרינדעט אין יאָר 1903 אין וואַרשע. מיט דעם קרײַז האָט זיך אָנגעהויבן די יִדישע טעאַטער־קאַריערע פון דעם אינטערעסאַנטן קינסטלער דוויד הערמאַן, דעם געקומענעם פון דער פּוילישער קולטור, פון דער פּוילישער טעאַטער־סביבה, אונטער די השפּעות פון דעם דעמאָלטיקן „יונגפּוילן”.

אַדאָלף בערמאַן

יוליוס אָסקאַר

הערמאַן און ליזאַ פישער

ער איז געוואָרן דער טרעגער פון מיסטיציזם, דער דביקותדיקער חסיד, וואָס האָט אין חסידות געזען די ייִדישע פאָלקסטימלעכקייט — אפשר איז עס געווען אַ גרויסער אָפּקלאַנג פון דער קליינבירגערלעך־אינטעליגענטישער, מיט מיסטיציזם באַהויכטער פּויערים־מאַניע, וואָס האָט געהערשט אין די קינסטלערקרײַזן פון „יונגפּוילן". דאָס האָט דאָ נישט געקאָנט האָבן קיין ווירקנדיקן אָפּקלאַנג אין דער פּראָלעטאַריש־פאָלקסטימלעכער ייִדישער סביבה אין וואַרשע.

היסטאָריש טיילט זיך דעריבער בולט אַרויס אין דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער נאָר די תקופה פון וואַרשעווער „עלדאָראַדאָ", סײַ מיט גאָלדפאַדענס ווירקונג, סײַ מיט דער צײַט פון אָסקאַר־ספּיעוואַקאָווסקי. וואַרשע איז געוואָרן דער גרויסער רעזערוואואַר פון כוחות פאַרן ייִדישן טעאַטער. פון דאַנען זענען געקומען אסתר רחל קאַמינסקי און אירע חברים, וואָס האָבן מיט זייער טאַלאַנט אַזוי באַווירקט דאָס ייִדישע טעאַטער־לעבן אין רוסלאַנד און אין אַלע לענדער ווּ ייִדיש טעאַטער האָט שוין דאַן געהאַט אָנגעשפּאַרט. וואַרשע איז געוואָרן אַ וויכטיקע צושטעלערין פון אַקטיאָרישע כוחות אויף אַלע ייִדישע בינעס אין דער וועלט. קינדער פון דעם גרעסטן און רירעוודיקסטן ייִדישן פאָלקסצענטער אין אייראָפּע האָבן זיך אַ לאָז געטון פון וואַרשע, ווּ זיי האָבן באַקומען זייער ערשטע טעאַטראַלע צוגרייטונג אין „עלדאָראַדאָ" און אין די אַרבעטער־קרײַזלעך, איבער גאָר דער ייִדישער טעאַטער־וועלט.

3.

1905. דער צאַרישער אַבסאָלוטיזם ווערט אויפגעטרייסלט אין זײַנע יסודות דורך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. דער אומגעהײַערער מאַסן־אויפברויז פון רוסלענדישן פּראָלעטאַריאַט, פון די אָרעמע פּויערים־מאַסן, מאַכט אויף אַ צײַט לויזער די אײַזערנע קלעם פון דעספּאָטיזם. ייִדיש טעאַטער ווערט דערפון אַ ביסל אויפגעריכט; פאָרמעל ווערט אָפּגעשאַפט דער פאַרבאָט (דאָס האָט נישט געשטערט די צאַרישע דעספּאָטלעך אין שטעט און שטעטלעך פאַקטיש ווײַטער צו פאַרפאָלגן דאָס ייִדישע טעאַטער). וואַרשע באַקומט צוריק די מעגלעכקייט צו האָבן אַ ייִדיש טעאַטער. און דאָס ייִדישע טעאַטער צעבליט זיך דאָרט. וואַרשע ווערט די מעטראָפּאָליע פון ייִדישן טעאַטער אין אייראָפּע.

יעקב גאָרדין

ווײַט פון דער ייִדישער געגנט, אין דעם גאָרטן „באַגאַטעלאַ", הייבט אָן צו שפּילן, קורץ נאָך די בלוטיקע ערשטע־מײַ־טעג פון 1905, אברהם יצחק קאַמינסקיס טעאַטער, ווּ עס שײַנט אַרויס דער גרויסער טאַלאַנט פון אסתר רחל קאַמינסקי אין דעם גאָרדין־רעפּערטואַר, וואָס האָט ערשט איצט געקאָנט באַקומען דעם תיקון אין ייִדישן פּוילן. פון דאַנען הייבט זיך אָן דער טריומפוועג פון דער „מאַמען פון ייִדישן טעאַטער", דער וועג וואָס האָט דאָס ייִדישע טעאַטער אַרויסגעפירט אין דער ערנסטער טעאַטער־וועלט בכלל. און פון דער צײַט אָן איז שוין אסתר רחל אומצערײַסלעך פאַרבונדן מיט וואַרשע. פון אַלע אירע וועלט־וואַנדערונגען קומט זי צוריק צו איר היים דאָרט. דאָרט בויט זי אויס, צוזאַמען מיט אברהם יצחקן, דאָס פּאָפּולערע „קאַמינסקי"־טעאַטער אויף אָבאָזשנע — ווידער ווײַט פון דער ייִדישער געגנט, ווּ מען האָט אָפּט מאָל מיט סכנות־נפשות געמוזט זיך אַראָפּקייקלען פון דעם באַרג־אַראָפּ. דאָרט פאַרענדיקט זי איר רומפול לעבן — סוף 1925 — און געפינט איר אייביקע רו אויפן גענשער בית־עולם, ווּ איר מצבה איז נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג אַ זאַמלפּונקט פון ייִדישע אַקטיאָרן, פון ייִדישע קולטורמענטשן, בײַ צוזאַמענקומען און אָנדענקטעג.

גלײַך נאָך „באַגאַטעלאַ" עפנט קאָמפּאַוויעץ דאָס מוראַנאָווער טעאַטער „ערמיטאַזש" — דאָס מאָל שוין נאָענט צו דער געגנט פון דער ייִדישער אָרעמקייט. דאָס טעאַטער, וואָס איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן געוואָרן דער סינאָנים פון באַלאַגאַן, האָט פון אָנהייב גאָר אַ גלאַנץ געטאָן מיט שלום עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט" און דער עיקר — עס איז יאָרן לאַנג געווען דאָס אָרט פאַר די ערשטע קונסט־עמפּינדונגען און רעגונגען פון טויזנטער יוגנטלעכע פון דער גרעסטער וואַרשעווער ייִדישער אָרעמקייט.

קורץ נאָך דעם עפנט זיך דער „נאָווי" טעאַטער אויף קראָלעווסקע. דער זומערזאַל „באַגאַטעלאַ" ווערט אויסגעביטן אויף „זשאַרדען ד'היווער" אויף כמיעלנע: וואַרשע ווערט די היים פון דרײַ גרויסע ייִדישע טעאַטערס. די אָנגעזעענסטע ייִדישע טעאַטער־דירעקטאָרן פון רוסלאַנד ווערן אויף אַ לאַנגער צײַט תושבים אין וואַרשע: פישזאָן, ספּיעוואַקאָווסקי, סאַבסײַ. די באַדײַטנדיקסטע ייִדישע אַקטיאָרן (אַחוץ די פריִער אויסגערעכנטע): מייערסאָן, ליבערט, מרים טרילינג, ביידע הערמאַנס, ניעראַסלאַווסקאַ, סעם אַדלער, ווײַסמאַן, יערמאָלינע און די דאַן נאָך ייִנגערע: זשעלאַזאָ, זאַסלאַווסקי, לאַנדוי, ראַפּעל, יוליוס אַדלער (ווען ער קומט פון אַמעריקע) און צענדליקער אַנדערע. פון אַלע ייִדישע טעאַטערס אין רוסלאַנד שטאַמען אַקטיאָרן קיין וואַרשע, ווי געסט. וואַרשע ווערט אַ שטאָט פון צענדליקער טויזנטער ייִדישע טעאַטער־באַזוכער און טעאַטער־פּאַטריאָטן. דערפאָלגן אין וואַרשע זענען אַן אַטעסטאַט אויף אַקטיאָרישקייט אין דער טעאַטער־וועלט.

עס מערן זיך ערנסטע פאַרמעסטן אין די וואַרשעווער טעאַטערס: די ערשטע אויפפירונג פון מאָליערס „אײַנגעבילדעטן קראַנקן", גאָרקיס „אויפן אָפּגרונט", פּרצס „שוועסטער" און „נסיון", פּינסקיס „מוטער" — בײַ די קאַמינסקיס אין טעאַטער; שילערס „רויבער", אַשס „גאָט פון נקמה"—בײַ מייערסאָנען; מאַרק אָרענשטיינס אויפפירונגען אין פאַרשידענע טעאַטערס מיט פּרוּוון פון מאָדערניסטישע אויסטײַטשונגען — דעמאָלטיקע טעאַטער־מאָדע אויף דער גרויסער וועלט. מען קומט אַנטקעגן דעם באַגער פון עולם צו זען שאַרפע סאָציאַלע קאָנפליקטן אויף דער בינע מיט אָקטאַוו מירבאָס „זשאַן און מאַדלען". נייע געבײַדעס ווערן געפונען פאַרן טעאַטער („עליזעום" אויף קאַראָווע). וואַרשע פּולסירט מיט אַן אינטענסיוו ייִדיש טעאַטער־לעבן.

צום טעאַטער דערנענטערט זיך י. ל. פּרץ מיט זײַן סביבה. דאָס הייסט אַז די ייִדישע ליטעראַטור נעמט אַראָפּ איר חרם פון ייִדישן טעאַטער, זי ווערט — בעיקר אין דער פּערזאָן פון פּרצן — אַלץ שטאַרקער אַנגאַזשירט אין ייִדישן טעאַטער, ביז עס דערגייט, אַ פּאָר יאָר שפּעטער, צו דער גרויסער אַקציע פון פּרצן צו אָרגאַניזירן אַ געזעלשאַפטלעך און קינסטלעריש ייִדיש טעאַטער אין וואַרשע, אַן אַקציע וואָס האָט — צום גרויסן פאַרדראָס פון פּרצן און פון זײַנע מקורבים — קיין קאָנקרעטן דערפאָלג נישט געהאַט. זי האָט אָבער געהאַט אַן אומגעהײַערן אײַנפלוס אויף דער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער אַרום ייִדישן טעאַטער, אויף די פאָדערונגען וואָס מען האָט שוין אַרויסגערוקט צום ייִדישן טעאַטער און וואָס האָבן אין רעזולטאַט געברענגט צו דער דערהייבונג פון טעאַטער־ניוואָ, צום וווּקס פון זײַן קינסטלערישער און געזעלשאַפטלעכער אחריות.

דוויד הערמאַן, מאַרק ווילנער און צענדליקער אַנדערע זענען אויסגעוואָקסן כמעט אויף יעדער ייִדישער גאַס אין וואַרשע. יונגעלײַט וואָס האָבן „נאָכגעמאַכט” אַקטיאָרן זענען מיט דער צײַט — אין די הונדערטער — אײַנגעשלונגען געוואָרן דורך די אַרומוואַנדערנדיקע ייִדישע טרופּעס און האָבן באַרײַכערט ייִדישע טעאַטערס פון אַלע קאָנטינענטן, ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט הערן דאָס ייִדישע בינעוואָרט.

מיר ווילן דאָ נישט אידעאַליזירן, נישט באַפּוצן דעם אמת: וואַרשע איז דאַן געווען אַ גאַנץ בכבודיקער קאָנסומענט פון שונד, פון דעם ערגסטן אין ייִדישן טעאַטער, וואָס איז מיט אַ ברייטער כוואַליע אַרײַנגעפלאָסן פון ניו־יאָרק. „פּינטעלע ייִד” איז אין וואַרשע געווען נישט אַ ווייניקער גאַנגבאַרע סחורה ווי ערגעץ אַנדערש ווו. וואַרשע האָט פאַרמאָגט אַ גענוג פאַרגרעבט קליינבירגערטום, הענדלערס פון די האַליעס און מערק, לומפּן־פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן מיט הנאה קאָנסומירט דעם מין טעאַטער. נאָר דאָס זענען אַלץ באַגלייט־דערשײַנונגען פון אַ מאַסן־אינסטיטוציע. דויערהאַפּטיק און כאַראַקטעריסטיש פאַרן וואַרשעווער ייִדישן טעאַטער פון די יאָרן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען דאָס אויפשײַנען פון אסתר רחל קאַמינסקיס שטערן און פּרצס קאַמף פאַר אַ קינסטלעריש ייִדיש טעאַטער. דאָס איז געווען דאָס עיקרדיקסטע, וואָס האָט אויסגעטיילט דאָס וואַרשעווער ייִדישע טעאַטער־לעבן פון די ייִדישע טעאַטערס אין גאָר דער וועלט, דאָס איז געווען דער גרויסער אוצר וואָס וואַרשע האָט אַרײַנגעטראָגן אין דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער אין יענע יאָרן.

4.

די ערשטע וועלט־מלחמה ברענגט, צוזאַמען מיט אַנדערע רדיפות, אַ נײַעם פאַרבאָט אויף ייִדיש טעאַטער אין צאַרישן רוסלאַנד. וואַרשע גיט זיך אָבער נישט אונטער. אין פאַרשידענע זאַלן טרעטן אויף ייִדישע אַקטיאָרן מיט קאָנצערטן, סקעטשן און סצענקעס פון פּיעסעס, עס זענען טעטיק אין געהיים אָן אַ שיר דראַמאַטישע קרײַזן, בראש מיטן קרײַז אין פּרצס „הזמיר” אונטער דער רעזשי פון דוויד הערמאַן — אַ קרײַז וואָס האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך די פאָרגעשריטענע ייִדישע טעאַטער־יוגנט, שילער פון פּוילישע דראַמאַטישע שולן, אַקטיוויסטן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אַרבעטער־אינטעליגענץ.

געציילטע וואָכן נאָכן אַנטלויפן פון די צאַרישע חילות פון וואַרשע הייבן שוין אָן דאָרט צו ווירקן ייִדישע טעאַטערס און דראַמאַטישע קרײַזן, מיטן „אַרטיסטישן ווינקעלע” אין „הזמיר”, ווו עס האָט נאָך געשוועבט דער גײַסט פון נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם י. ל. פּרץ.

אין אַלגעמיין איז דאַן נישט געווען קיין קאָניונקטור פאַר אַ בעסער טעאַטער. הונגער און אַרבעטלאָזיקייט האָבן געטריבן צענדליקער טויזנטער ייִדישע פאָלקסמענטשן פון וואַרשע אין די שטעטלעך פון לאַנדווירטשאַפטלעכע ראַיאָנען, ווו עס איז לײַכטער געווען אַ שטיקל ברויט און קאַרטאָפל. אויפגעקומענע גבירים (דורך ספּעקולאַציע און שמוגל), צוזאַמען מיט זייערע פרײַנד פון אָקופּאַנטישן דײַטשן מיליטער, האָבן געזוכט אַ פריילעכע פאַרווײַלונג. עס האָבן אָנגעהויבן צו קיניגן די לײַכטע מוזע, די איראָפּעיִשע אָפּערעטע, אין וועלכער עס האָט געצויבערט מיכאַל מיכאַלעסקאָ מיט דײַטשישע פּרימאַדאָנעס און סוברעטינס. די לײַכטע מוזע האָט געהאַט איר היים אין נײַ אויפגעבויטן „צענטראַל”־טעאַטער, אין „קאַמינסקי”־טעאַטער און טיילווײַז אין „עליזעום”, ווו דוויד הערמאַן אָדער אברהם יצחק קאַמינסקי האָבן פון צײַט צו צײַט געמאַכט פּרוּוון פון ערנסטע פאָרשטעלונגען מיט דער נײַער, בעסערער טעאַטער־יוגנט. אָבער אויך זיי האָבן געמוזט אָפּטרעטן דאָס אָרט דער אָפּערעטע. אין „ווענוס” ווידער, אויף דזשעלנע, האָט געקיניגט שטראַספּויגעל מיט אַבעלמאַנען און אַנדערע אָפּהילכן פון גאָר אַלטן ייִדישן טעאַטער — פון גאָלדפאַדען (אַ פאַרקריפּלטן) לאַטײַנער, זאָלאָטאַרעווסקי, הורוויץ. ביז עס ווערט, אין 1917, געבוירן די באַרימטע „ווילנער טרופּע” אין „עליזעום”־טעאַטער.

אסתר רחל קאַמינסקי

יאָ, די „ווילנער טרופּע” איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע. פון אַ האַלב־אַמאַטאָרן־קאָלעקטיוו, וועלכער האָט אַרויסגעוואַנדערט

פון ווילנע איבער דער שכינותדיקער פראָווינץ און איז דאָרט באַגעגנט געוואָרן דורך אסתר רחל קאַמינסקי, — וואָס האָט אין דעם קרײַז גלײַך דערזען אַ ווירדיקן נאָכוווּקס פון אירע פאַרמעסטן אין ייִדישן טעאַטער און היים רעקאָמענדירט די אומבאַקאַנטע טרופע קיין וואַרשע — איז עס אין וואַרשע געוואָרן אַ יש, אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט אַרײַנגעשריבן איינס פון די שענסטע בלעטלעך אין דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער. ה. ד. נאָמבערג האָט זיי אַ נאָמען געגעבן „ווילנער טרופע" און ער, בראש פון דער ייִדישער שרײַבער־משפחה אין וואַרשע, האָט זיך כסדר וואַרעם אינטערעסירט מיט דעם טעאַטער, נישט ווייניק צוהעלפנדיק צו זײַן גרויסן אויפשטײַג.

קנאַפע צוואַנציק יאָר האָט זינט דאַן די „ווילנער טרופע" געווירקט, אין פאַרשידענע געשטאַלטן און קאָנפיגוראַציעס, בײַ שפאַלטונגען, איבערגרופירונגען, וואַנדערונגען — איז זי אָבער אומאויפהערלעך געווען פאַרבונדן מיט וואַרשע, און באַטראַכט וואַרשע פאַר איר היים. מיר מיינען דאָ די „ווילנער" וואָס האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום זייער דירעקטאָר מ. מאַזאָ — דעם פאָנטרעגער פון די „ווילנער", דעם איניציאַטיוופולן אָרגאַניזאַטאָר און אומדערמידלעכן מוח — אַ קאָלירפולע געשטאַלט פון אַ באַגאַבטן ייִדישן טעאַטער־טוער, וואָס האָט זײַן לעבן פאַרענדיקט צוזאַמען מיט הונדערטער טויזנטער קרבנות פון וואַרשעווער געטאָ.

ווער פון די בעסטע ייִדישע אַקטיאָרן און רעזשיסאָרן איז אין משך פון די קנאַפע צוואַנציק יאָר נישט דורכגעגאַנגען דורך דער „ווילנער טרופע" אין וואַרשע? אזרא און עלמות, וואָס זייערע שטערנס האָבן אויפגעשײַנט בײַ די „ווילנער" און זענען גיך פאַרלאָשן געוואָרן אין די שפעטערדיקע וואַנדערונגען — און זייער ברעג — אין צפון־אַמעריקע; דער אַלטער מתתיהו קאָוואַלסקי, פאַלאַ וואַלטער און דער אומדערמידלעכער אַקטיאָר און רעזשיסאָר לייב קאַדיסאָן; נאַכבוש און שניאור, טאַנין און שעפטעל; די געוועזענע רוסישע אַקטיאָרן און רעזשיסאָרן אברהם מאָרעווסקי — דער גײַסטרײַכער אָריגינאַל פון ייִדישן טעאַטער — אַלעקס שטיין, און מ. סלאָבאָדסקי (אַלע פאַרבליבן נאָך דער מלחמה אין ראַטן פאַרבאַנד); יהודית לאַרעס און לאה נעמי, חנה בראַז און יוסף קאַמיען. דאָ האָבן אָנגעהויבן אַרויסצושײַנען יוסף בולאָוו און ליובאַ קאַדיסאָן; די ערשטע טריט האָבן געמאַכט חבל בוזגאַן און אַ סך אַנדערע יונגע „ווילנער". דאָ גאַסטראָלירן בײַ די „ווילנער" לעאָניד סניעגאָוו און אסתר אָזשעוווסקאַיאַ, אידאַ קאַמינסקאַ און זיגמונד טורקאָוו. די „ווילנער טרופע" ווערט דאָ צו ביסלעך אָקופירט דורך אַלטע ייִדישע אַקטיאָרן, אַזעלכע ווי דער אומפאַרגעסלעכער לייזער זשעלאַזאָ און שפעטער אײַזיק סאַמבערג — וועלכן מיר וועלן נאָך באַזונדער ווידמען אַ פאָר ווערטער — און העלענאַ גאָטליב; און — נאָך שפעטער שימחה און נעמי נאַטאַן און אַ סך אַנדערע; דער עיקר, אָבער, פון יונגע וואַרשעווער כוחות, ווי יעקב ווײַסליץ, וואָס בלײַבט שוין יאָרן לאַנג אַ „ווילנער", מאָרים נאָרוויד, שידלאָ, יעקב גערטנער, בעלאַ בעלערינאַ, מרים שיק, מרים ווידע און מרים אָרלעסקאַ — די לאַנגיאָריקע פרעמיערין פון מאַזאָס „ווילנער".

עס וואָלט באמת פאַרנומען צו פיל אָרט אויסצורעכענען אַלע אַקטיאָרן וואָס זענען אַדורך בײַ די „ווילנער" אין וואַרשע, בעיקר אין די יאָרן נאָך זייער צוריקקומען פון רומענישן טורנע (1927). דאַן זענען דאָך די „ווילנער" באַשטאַנען פון 90 פראָצענט ייִדישע טעאַטער־יוגנט פון דער וואַרשעווער ייִדישער דראַמאַטישער שול, פון די פראָגרעסיווע קרײַזן אין וואַרשע.

און רעזשיסאָרן! מיר האָבן שוין אויסגערעכנט אַ ריי רעזשיסאָרן וואָס האָבן מיטגעווירקט מיט די „ווילנער" אין וואַרשע. לאָמיר צוגעבן: מענדל עלקין, נו — און דוויד הערמאַן, וואָס זײַן נאָמען איז, בעיקר צוליבן „דיבוק" און „ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק", אומצורײַסלעך געווען פאַרבונדן מיט די „ווילנער" און ער אַליין — ביז זײַן אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע שוין אין די גסיסה־יאָרן פון די „ווילנער"; יעקב ראָטבאַום, וואָס האָט אָנגעהויבן צו רעזשיסירן אין די וואַרשעווער אַרבעטער דראַמקרײַזן און בײַ די „ווילנער" זיך ערשט באַרימט געמאַכט מיט זײַנע עקספערימענטן, גרויסע אויפפירונגען מיט אַ טיפן סאָציאַלן אויסקלאַנג; בײַ די „ווילנער" אין וואַרשע באַווײַזן זיך מיט זייערע לײַסטונגען ייִדישע און פוילישע סצענאָגראַפן: דער יאָרן לאַנג פאַרבונדענער מיט די „ווילנער" וו. ווײַנטרויב, פריץ קליינמאַן, י. שליוויאַק און זיגמונט פראָנאַשקאָ; די קאָמפאָזיטאָרן הענעך קאָן און יוסף קאַמינסקי; כאָרעאָגראַפן, באַלעט־מײַסטערס, מוזיקער, אויסגעפרוּווטע טעכנישע מיטאַרבעטער אאַ״וו. מיר וועלן זיך שוין נישט אָפשטעלן אויפן רעפערטואַר פון די „ווילנער" אין וואַרשע, וואָס באַשטייט פון אַן אינטערעסאַנטן און צאָלרײַכן צעטל פיעסעס, ייִדישע און איבערגעזעצטע, פון גאָר אַ גרויסער צאָל ערנסטע מחברים, אַ צעטל מיט וועלכן די „ווילנער" האָבן געקאָנט שטאָלצירן, זײַענדיק אויך אין דעם פרט קאָנקורענצלאָז.

נאָר דער עיקר, אויף וואָס עס איז נאָך כדאי זיך אָפצושטעלן: דער עולם. די וואַרשעווער ייִדישע אַרבעטער־יוגנט און אינטעליגענץ, די פאַרברענטע חסידים פון די „ווילנער", וועלכע האָבן אין די ערגסטע צײַטן אונטערגעהאַלטן דאָס דאָזיקע טעאַטער, זענען געווען דורך אים באַווירקט און צוריקגעווירקט אויף זייער באַליבט טעאַטער, וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן פון זײַן עקסיסטענץ באַקומען אַ בולטן רעוואָלוציאָנערן פרצוף, אין זין פון זײַן רעפערטואַר, זײַן סאָציאַלער פאַרשאַרפונג. אפשר דערפאַר טאַקע איז דאָס טעאַטער אַזוי צעריבן געוואָרן אונטערן שווערן דרוק פון רדיפות אין דעם זיך פאַשיזירנדיקן פוילן אין די יאָרן 1933—1935.

5.

די צוואַנציק יאָר פון פריציש־קאַפיטאַליסטישן פוילן, ווען וואַרשע איז געווען אַ צענטער פון 350 טויזנט ייִדן, האָבן זיך — אַחוץ דער אַרבעט פון די „ווילנער" — אויסגעצייכנט מיט אַן אויסערגעוויינלעך אינטענסיוו און פאַרביק ייִדיש טעאַטער־לעבן. געווען צײַטן ווען וואַרשע האָט פאַרמאָגט זעקס ייִדישע טעאַטערס און אַלע האָבן געהאַט אַן עולם.

געווען פאַרשטייט זיך אויך צײַטן פון אַן אומגעהײַערער אָפענסיווע פון שונד און אַמעריקאַנער מאַכערײַקעס, וואָס האָבן געהאַט זייער דאַנקבאַרן אָפנעמער בײַם גרויסן שיכט ייִדישן מיטל־ און קליינבירגערטום. אַלע אַמעריקאַנער סטאַרן האָבן זיך געריסן קיין וואַרשע, וויסנדיק אַז אויב זיי וועלן „אַרײַנשיסן" אין וואַרשע, איז כדאי די טרחה — סײַ אין זין פון פאַרדינסטן, סײַ אין זין פון רעקלאַמע. געווען וואַרשעווער פעריפעריע־טעאַטערס וואָס זענען געווען אויסגערעכנט אויף די גענוס־באַדערפענישן פון פרימיטיווסטן עולם און צוגעפאַסט צו זײַן געשמאַק.

אָבער געווען אויך אומגעהײַער וואָגיקע און דרײַסטע אויפטוען און פאַרמעסטן, וואָס זענען פאַרבליבן אין אײַזערנעם פאָנד פון דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער.

אַ פאָר יאָר האָט אויסגעשטראַלט דאָס „צענטראַל"־טעאַטער

אויף לעשנע מיט זײַן קאָלעקטיוו פון ערשטראַנגיקע כוחות מיט אסתר רחל קאַמינסקי, אידאַ קאַמינסקאַ, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, דיאַנאַ בלומענפעלד, נאַטאַליאַ ליפּמאַן, באַרסקאַ־פּישער א״א; אײַזיק סאַמבערג, זיגמונט טורקאָוו, שמואל לאַנדוי, וואָלף גאָדיק, יאָנאַס טורקאָוו, משה ליפּמאַן, שימחה ווײַנטרויב, שימחה ראָזען, בן־ציון פּאָלעפּאַדע, דוויד לעדערמאַן, משה טיימאַן, פּסח קערמאַן א״א. ס'איז געווען אַ טעאַטער וווּ זיגמונט טורקאָוו האָט זיך אַרויסגערוקט אויפן אויבנאָן פון ייִדישן טעאַטער־לעבן מיט אַזעלכע אויפפירונגען ווי מאָליערס „דער קאַרגער", גאָגאָלס „רעוויזאָר", אַנדרייעווס „זיבן געהאָנגענע", עטינגערס „סערקעלע" (אַ אינטערעסאַנטע באַנײַונג פון דעם צירונג פון דער עלטסטער ייִדישער קאָמעדיאָגראַפיע) אאַ״וו; וווּ אײַזיק סאַמבערג — דער דאָזיקער זאַפטיקער און קרעפטיקער ייִדישער פאָלקסקינסטלער האָט מיטגעריסן דעם עולם מיט זײַנע אומפאַרגעסלעכע קרעאַציעס פון „מאָטקע גנב", פון דעם גאָראָדניטשי אין „רעוויזאָר", פון שימעלע סאָראָקער אין „גרויסן געווינס" אאַ״וו; וווּ שמואל לאַנדוי — אַן אַקטיאָר פון דער אַלטער אסתר רחל־גוואַרדיע — האָט געשאַפן אַ ריי מאָנאָליטישע סצענישע געשטאַלטן, ווי פון מאַרמאָר אויסגעהאַמערטע; וווּ קלאַראַ סעגאַלאָוויטש האָט זיך באַוויזן אין איר אומפאַרגעסלעכן שאַרזש; וווּ אַנדערע — אויבן־דערמאָנטע און נישט־דערמאָנטע אַקטיאָרן — האָבן געהאַט די מעגלעכקייט צו שאַפן אינטערעסאַנטע געשטאַלטן, נישט רעדנדיק שוין וועגן אסתר רחל קאַמינסקי, וואָס פלעגט זיך באַווײַזן פאַרן וואַרשעווער עולם אין אירע אַלטע קרעאַציעס און איז אייניקע מאָל דערשינען אויך אין נײַע ראָלן, נײַע אויפפירונגען (אַ שטייגער גאָלדע אין „טביה דער מילכיקער") און אידאַ קאַמינסקאַ, וואָס האָט שוין אין די מלחמה־יאָרן פאַרנומען אַן אויבנאָן אויף דער ייִדישער בינע, בײַ דער זײַט פון איר מאַמען און אין „צענטראַל"־טעאַטער פעסט אָנגעהאַלטן איר פּאָזיציע.

אסתר רחל קאַמינסקי (אַלס „סערקעלע")

פון דעם „צענטראַל"־טעאַטער טאַקע איז אין יאָר 1924 אַרויסגעוואָקסן אידאַ קאַמינסקאַס און זיגמונט טורקאָווס וואַרשעווער ייִדישער קונסט־טעאַטער „וויקט", וואָס איז אין יאָר 1927 צוריקגעקומען אין קאַמינסקיס טעאַטער, אָפּגעפרישט מיט אַ גרויסער גרופּע בעסערע ייִדישע טעאַטער־יוגנט, האָבנדיק אַזעלכע אויפפירונגען — צווישן אַנדערע — ווי גאָלדפאַדענס „דאָס צענטע געבאָט" אין אַ נײַעם לבוש, ראָמאַן ראָלאַנס „די וועלף" א״א.

נאָך אַ פּאָר יאָר וואַנדערונגען איז זיך דער „וויקט" ווידער צעפאַלן און אויפגעלעבט געוואָרן דורך זיגמונט טורקאָוון אין יאָר 1938, געבנדיק דאַן מאָנומענטאַלע אויפפירונגען פון גאָלדפאַדען — באַאַרבעטונגען — „שולמית", „בר־כוכבא" — וויקטאָר הוגאָס „גלאָקן־קלינגער פון נאָטר־דאַם" (צוגרייטנדיק אויף דער פּראָווינץ דעם רעפּערטואַר פאַר וואַרשע) מיט שימחה און נעמי נאַטאַן, עני ליטאַן, אסתר פּערלמאַן, יעקב מאַנדלבליט, פּערל אוריך, יצחק גרודבערג, חיים ניסנצווײַג, די אָפּערן־זינגער ליובע לעוויצקאַ, אַלבערט פעלער און אַנדערע. דאָס איז געווען די גרעסטע בליצײַט פון „וויקט", טריומף־פאַרשטעלונגען פון „שולמית" אין וואַרשעווער „נאָוואָשטשי"־טעאַטער, ווען די ערשטע היטלעריסטישע באָמבעס אויף וואַרשע האָבן חרוב־געמאַכט דאָס טעאַטער, דעם „וויקט", אָנהייבנדיק דעם חורבן פון גרויסן ייִדישן וואַרשע.

שימחה און נעמי נאַטאַן

דער „וויקט" האָט אין אַ קורצערן פּעריאָד און ממילא אין אַ קלענערן פאַרנעם אָפּגעשפּילט אין וואַרשעווער טעאַטער־לעבן אַזאַ ראָלע, ווי די „ווילנער טרופּע", אָריענטירנדיק זיך אויף דעם זעלבן עולם, וואָס די „ווילנער" און זײַענדיק באַהויכט מיט אַן ענלעכן געזעלשאַפטלעכן גײַסט. ער איז דעריבער געוואָרן אַזוי אייגן דעם רעוואָלוציאָנערן ייִדישן וואַרשע, ווי די „ווילנער טרופּע".

אין דעם זעלבן גײַסט האָט געווירקט אַ פּאָר יאָר — פון 1932 — דער לעצטער אַרויסלאָז פון דער ייִדישער דראַמאַטישער שול אין וואַרשע אונטערן נאָמען „יונג־טעאַטער". באַשטאַנען איז עס בלויז פון יונגע, נישט־דערפאַרענע כוחות, געשפּילט אין קליינע ספּעציעל צוגעפּאַסטע זאַלן. אָבער אַ דאַנק דער אינטערעסאַנטער עקספּערימענטאַלער סצענישער לעזונג פון די פּיעסעס, דער סאָציאַ־

לער אָנלאָדונג זייערע („באָסטאָן", „קראַסין", „טרופּע טאַנגצאָפּ", „מיסיסיפּי", א"א.) איז עס גאָר גיך געוואָרן אַ טעאַטער, וואָס האָט זיך דערוואָרבן די וואַרעמסטע סימפּאַטיעס פון פּאָרגעשריטענעם וואַרשע — פון יִדישן עולם און פון די פּוילישע טעאַטער־טוערס.

אין פאַרשידענע טעאַטער־בנינים, פאַרשידענע געגנטן פון דער שטאָט, זענען געמאַכט געוואָרן ערנסטע פּרוּוון און עקספּערימענטן פון דוויד הערמאַן, אברהם מאָרעווסקי, אידאַ קאַמינסקאַ, יאָנאַס טורקאָוו. אַ געוויסע צײַט האָט געווירקט אין וואַרשע אַ יִדישע אָפּערע אונטער הערמאַנס רעזשי — די אָפּערע „דוויד און בת־שבע" פון הענעך קאָן, טעקסט משה בראָדערזאָן, מיט רות לעוויאַש און משה רודינאָוו. עס האָבן פון סוף 1925טן יאָר אָנגעהויבן צו ווירקן — און צײַטנווײַז מיט אַן אומגעהייערן דערפאָלג קינסטלעריש און מאַטעריעל — דאָס וואַרשעווער קליינקונסט־טעאַטער „אַזאַזעל", שפּעטער „סמבטיון", דאַן „יִדישע באַנדע" און דער לעצטער „אַראַראָט" מיט משה בראָדערזאָן בראָש, מיט הערמאַנען אַלס רעזשיסער פון „אַזאַזעל", נאָזשיקן — פון „סמבטיון" און „יִדישע באַנדע", מיט הענעך קאָן אַלס פּאָפּולערסטן קאָמפּאָזיטאָר, דוויד בייגעלמאַן, יוסף קאַמינסקי, הערץ רובין א"א.

שמואל לאַנדאַו

ערנסטע פאַרמעסטן האָבן געמאַכט די גאַסטראָליאָרן לידיאַ פּאָטאָצקאַ, פּאַול באַראַטאַוו, אַלעקסאַנדער גראַנאַך, קורט קאַטש. מאָריס שוואַרץ האָט אויף אַ צײַט דערדריקט דאָס יִדישע טעאַטער־לעבן אין וואַרשע מיט זיין „יאָשע קאַלב", פאַרנעמענדיק דערבײַ אַ גרויסע צאָל פון די בעסטע יִדישע אַקטיאָרן אין פּוילן. גרויס אין פאַרנעם איז געווען דאָס יאָר 1931—32 אין וואַרשעווער „נאָוואָשטשי"־טעאַטער — די שאַפונג פון אַ יִדישן רעפּרעזענטאַנץ־טעאַטער מיט סאַמבערג, מאָרעווסקי, לידיאַ פּאָטאָצקאַ, מנחם רובין און אַן אַנסאַמבל פון נאָך צוואַנציק אַקטיאָרן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, רחל האָלצער, דיאַנאַ בלומענפעלד, חבל בוזגאַן. נאָך פון אַ מער דויערנדיקן ווערט זענען געווען צוויי פאַרמעסטן, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין וואַרשע די לעצטע יאָרן פאַרן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה: דאָס „טעאַטער פאַר יוגנט" אונטער דער אָנפירונג פון קלאַראַ סעגאַלאָוויטש און „אידאַ קאַמינסקאַ"־אַנסאַמבל.

דאָס „טעאַטער פאַר יוגנט" האָט אָנגעהויבן מיט מאַנגערס באַאַרבעטונג פון גאָלדפאַדענס „כישופמאַכערין", מוזיקאַלישע באַאַרבעטונג פון הענעך קאָן, רעזשי — ראָטבאַום, מיט דינה האַלפּערן, קלאַראַ סעגאַלאָוויטש, באָזשיק, קוטנער און דערנאָך — צוויי פאָרשטעלונגען פון באַזונדערן ווערט: שעקספּירס „שטורעם", אין דער אויפפירונג פון באַרימטן פּוילישן רעזשיסער לעאָן שיללער, סצענאָגראַפיע — דאַשעווסקי, און יעקב פּרעגערס „מײלעך פריילעך" אין ווײַכערטס רעזשי — מיט אברהם מאָרעווסקי, וו. גאָדיק, משה און נאַטאַליאַ ליפּמאַן, דניאל שאַפּיראָ (געווען אַן אָנגעזעענער אַקטיאָר פון דער לעצטער „ווילנער טרופּע" — דער ערשטער מלחמה קרבן פון די יִדישע אַקטיאָרן, אומגעקומען בעת דער לעצטער באָמבאַרדירונג פון וואַרשע), אברהם קורץ, אסתר גאָלדענבערג א"א.

דאָס איז געווען אַ דערציִערישע קונסט־אינסטיטוציע סײַ פאַר יוגנט סײַ פאַר די עלטסטע ליבהאָבער פון ערנסטן גוטן טעאַטער.

„אידאַ קאַמינסקאַס־אַנסאַמבל", וואָס האָט שוין עקסיסטירט זינט אַ פּאָר יאָר מיט אַזעלכע אַקטיאָרן, ווי אַדאַם דאָמב, סאָניע אַלטבוים, מאיר מעלמאַן (געוו. „וויקטאָווצעס"), יעקב קורלענדער, דוויד קאַמאַי, אידע נאַטאַן א"א., האָט זיך די לעצטע יאָרן פאַר דער מלחמה סטאַביליזירט אין וואַרשע, געבנדיק צווישן אַנדערע אַזאַ אויפפירונג ווי לאָפּע דע וועגאַס „שעפּסן־קוואַל", אידאַ קאַמינסקאַס דראַמאַטיזאַציע פון יהושע פּערלעס „נ'ע מענטשן", מ. בוימאַנס „גליקל האַמעלן", מיט סצענאָגראַפיע פון איוואָ גאַל.

דאָס טעאַטער איז טאַקע געווען אידאַ קאַמינסקאַס אין זין פון קאָנצענטרירן אַלע כוחות אַרום איר אַרטיסטישער אינדיווידואַליטעט, האָט אָבער דערבײַ געגעבן פולווערטיקע קינסטלערישע פאָרשטעלונגען אויך אין זין פון זייער אַנסאַמבל צוזאַמענשפּיל.

העלענאַ גאָטליב

אין אַזאַ צושטאַנד — טראָץ די רדיפות פון דער סאַנאַציע רעגירונג, אומגעהײַערער פּויפּעריזאַציע פון דער יִדישער באַפעלקערונג, קלאָגעדיקער עקאָנאָמישער לאַגע פון יִדישן אַקטיאָר און אַלגעמיינע דעפּרעסיע אין לאַנד — האָבן דעם יִדישן טעאַטער אין וואַרשע באַגעגנט די היטלעריסטישע באָמבעס פון סעפּטעמבער 1939.

6.

די היטלעריסטישע באָמבאַרדירונג פון וואַרשע האָט חרוב געמאַכט אַלע יִדישע טעאַטער־געביידעס, די היטלעריסטישע הערשאַפט האָט חרוב געמאַכט, פאַרטיליקט דעם גרויסן יִדישן פאָלקסקיבוץ. בהדרגהדיק, טריט בײַ טריט, מיט אַ סיסטעם און אָן אַ סיסטעם, איז די דאָזיקע פאַרטיליקונג צוגעגאַנגען, האָבנדיק איר פינאַל אין דעם העראָישן אויפשטאַנד פון דער יִדישער קאַמפּסאָרגאַניזאַציע דעם 19טן אַפּריל 1943.

אין וואַרשע זענען פאַרבליבן איבער הונדערט יִדישע אַקטיאָרן — וואַרשעווער און פּראָווינצער — נאָך דעם ווי אַ גרויסע צאָל האָט זיך באַוויזן צו ראַטעווען אויף דער סאָוועטישער זײַט. פאַרן אײַנשליסן די יִדן אין געטאָ האָבן די אַקטיאָרן געמוזט לעבן אין דער גרעסטער נויט, פון קצבה, אויף נעבעכדיקע „זופּן” פון געזעלשאַפטלעכע קיכן, ענלעך ווי צענדליקער טויזנטער יִדישע אינטעליגענטן, אַרבעטער, בעל־מלאכות. אין דער זעלבער צײַט האָבן זיך געפונען גרופּעס אויפגעקומענע גבירים, שמוגלער, ספּעקולאַנטן און אפילו — משרתים פון היטלעריסטישן אָקופּאַנט, וואָס האָבן געלעבט אין ווױלטיק און אין לוקסוס. טראָץ דעם אויסנאַם־צושטאַנד. אין דער סכנה וואָס איז געהאָנגען איבער די יִדישע קעפּ האָט מען געפּראַוועט סעודות, געהוליעט ביזן טאָג אַרײַן, געפּראַוועט אָרגיעס, שכרות און אויסגעלאַסנקייט.

אין רינגעלבלום־אַרכיוו אין וואַרשעווער יִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט, געפינט זיך דער כתב־יד פון יאָנאַס טורקאָוו (דער איינציקער, מיט זײַן פרוי דיאַנאַ בלומענפעלד, וואָס זענען לעבן־געבליבן פון דער יִדישער אַקטיאָרן־משפחה אין וואַרשעווער געטאָ) מיטן כאַראַקטעריסטישן נאָמען „וואַרשע ווײַלט זיך”... האָבן מיר דאָרט אַ גענוי בילד פון דעם יִדישן טעאַטער אין וואַרשע אונטער דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע און דאַן — אין געטאָ. אַ טרויעריק בילד, אַ מוראַדיק בילד — פון אומגעהײַערער געפאַלנקייט און דעמאָראַליזאַציע פון דער יִדישער בורזשואַזיע. די געפאַלנקייט האָט זיך אויך אָפּגעשפּיגלט אויף די יִדישע אַקטיאָרן, וועלכע זענען געצוווּנגען געוואָרן צו דינען דער דאָזיקער בורזשואַזיע. מיר האָבן אָבער אויך באַווײַזן וועגן דער שטרעבונג פון אַ טייל יִדישע אַקטיאָרן צו עפּעס העכערס און די ערשטע פּרוּוון צו דערגרייכן עס — אפילו אין די מוראַדיקע געטאָ־באַדינגונגען.

יִדישע אַקטיאָרן זענען געוואָרן טעטיק נאָך פאַרן אײַנשליסן אין געטאָ. עס האָט זיך אָנגעהויבן פון אויפטריטן אין פּריוואַטע שטיבער פון גבירים, ווו עס פלעגן כמעט יעדן טאָג געפּראַוועט ווערן שימחות, ווײַזט אויס מיטן געדאַנק אַרײַנצוכאַפּן דעם הײַנטיקן טאָג, ווײַל מאָרגן קאָן שוין זײַן צו שפּעט. אויף אַזאַ שימחה איז אַמאָל אויפגעטראָטן דער פּאָפּולערער קאָמיקער שימחה פאָסטעל און אַזוי נושא חן געווען בײַ דער שכורער חברותא, אַז מען האָט אים אָנגעהויבן „צו רײַסן פון די הענט”. האָבן זיך אַנדערע אַקטיאָרן פאַרקוקט דערויף און ס'איז אַוועק אַ סדרה אויפטריטן אויף שימחות אין פּריוואַטע שטיבער. דער דערפאָלג פון אַזעלכע אויפטריטן האָט באַוויגן די דײַטשע אייגנטימערין פון קאַפע „גערטנער” אויף טלאָמאַצקע 13 (ווו עס איז געווען אַ מאָל דער לאָקאַל פון יִדישן ליטעראַטן־פאַראיין), מאַגדאַ פאָגט, צו אָרגאַניזירן אַרטיסטן־אויפטריטן אין קאַפע. געווען איז עס אין מײַ 1940 און אָנגעהויבן זיך מיט די פּראָדוקציעס פון דעם זעלבן פאָסטעל און דעם באַקאַנטן זינגער דוויד זײַדערמאַן. און כאָטש דאָס באַזוכן אַ קאַפע איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות (נישט־זעלטן פלעגן צופאָרן אַ פּאָליציי־אויטאָ צו די קאַפעען, רעווידירן דעם עולם, צורויבן דאָס ביסל פאַרמעגן, כאַפּן אויף אַרבעט, אַרעסטירן), האָבן די אויפטריטן צוגעצויגן אַ געוויסן עולם יִדן פון די, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרגינען צו מאַכן אין שטיבער פּריוואַטע פאַרווײַלונגען מיט אַקטיאָרן. דער דערפאָלג האָט באַוויגן צוויי אַנדערע דײַטשן צו אָרגאַניזירן אַ קאָנקורענץ אין „מעלאָדי פּאַלאַס” אויף רימאַרסקע, ווו עס איז פון אָנהייב אויפגעטרעטן דיאַנאַ בלומענפעלד, וועלכע איז בעת דער מלחמה פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ דראַמאַטישער אַרטיסטקע אין אַ לידל־זינגערין. ר. ראָזען־נײַווירט, אַ יונגע אַקטריסע, דוויד בירנבוים, וואָס איז געקומען צום יִדישן טעאַטער דורך דוויד הערמאַנס סטודיע, י. גרינשפּאַן פון דער יִדישער אָפּערעטע און י. קינעלסקי, פון דער יִדיש־פּוילישער עסטראַדע. אויף פּאַנסקע האָט זיך געעפנט אַן ענלעכער לאָקאַל „באָן־אַפּעטי” (סאַראַ מאַקאַברישע ברכה פאַר יִדן אונטער דער היטלעריסטישער הערשאַפט!), ווו ס'איז אויפגעטרעטן אײַזיק סאַמבערג, וועלכן מיר האָבן שוין אַזוי פיל דערמאָנט, רעגינע צוקער — די פּאָפּולערע סוברעטין פון דער שונד־אָפּערעטע. אין אַנדערע לאָקאַלן — אידאַ ערוועסט, חנה לערנער, — אַקטיאָרן, אַקטריסעס, יִדישע און פּוילישע. עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו מאַכן אַזעלכע לאָקאַלן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. זייער עולם איז בעיקר באַשטאַנען פון ייִנגוואַרג, שמוגלערס, מענטשן, וועלכע האָבן יעדן טאָג געשטעלט זייער לעבן אויף דער קאָרט און דערפאַר געוואָלט אויף דער שנעל הנאה־האָבן פון די גרויסע געלטער, וואָס זיי האָבן פאַרדינט.



דוויד בירנבוים

נאָר אויך די איבעריקע יִדן, פּשוטע יִדישע פאָלקסמענטשן, וואָס האָבן טאַקע געלעבט אין גרעסטן הונגער און נויט — האָבן געלעכצט נאָך טעאַטער־פאַרווײַלונג. יִדיש טעאַטער איז פאַר אַ וואַרשעווער יִדישן פאָלקסמענטש געווען, ווי ברויט. און כאָטש ברויט איז געווען זייער קאַרג, האָט ער פון דעסט וועגן געזוכט טעאַטער אויך. עס האָבן זיך אַ מער־געטאָן אין פאַרשידענע שטאָלן, חורבות, גרויסע ביידעמער טעאַטער־פאַראַנשטאַלטונגען, אָרגאַניזירט דורך „אָרטיקע כוחות”, געוועזענע מיטגלידער פון פאַרשידענע דראַמאַטישע קרײַזן, מיט וועלכע וואַרשע איז אַזוי רײַך געווען אין צווישן מלחמה־פּעריאָד. דאָס זענען געווען די טעאַטער־שפּײַזער פון

דער ייִדישער אָרעמקייט. די שפײַז האָט נאָך אָפט מאָל געהאַט דעם טעם און דערנערונגס־זאַפטן פאַרן גײַסט, ווי די היטלעריסטישע פראָדוקטן, וואָס זענען צוגעטײלט געוואָרן פאַרן גוף פון די ייִדן. ערגסטע שונד אין דער גרעסטער צאָל פאַלן. און סערווירט — נישט בעסער.

און ווײַל דער דראַנג נאָך טעאַטער איז אַזוי גרויס געווען בײַם מאַסנמענטש, זענען די „פאָרשטעלונגען" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קוואַל פון פרנסה פאַר הפקר־יונגען, אומפאַראַנטוואָרטלעכע עלעמענטן, וואָס האָבן פאַרמיסטיקט דאָס ייִדישע טעאַטער.

אפשר האָט דאָס באַוויזן די ייִדישע „אַליינהילף", — בײַ דער מיטאַרבעט פון די בעסערע, פראָגרעסיווע הויז־קאָמיטעטן — אַ צענטראַלע אימפרעסע־קאָמיסיע, וועלכע האָט איבערגענומען דאָס אָרגאַניזירן ייִדישע אַקטיאָרן און אַנדערע קינסטלער — אַן ערך 250 מאַן — אָרגאַניזירן די אימפרעסעס אויף אַ העכערער מדרגה, צוגעבן זיי אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, אַ קולטור־אַטמאָספער און די הכנסות פאַרוואַנדלען אויף הילפסאַרבעט פאַר קינדער, פאַר די נויטבאַדערפטיקטע בײַ די הויז־קאָמיטעטן אאַ"וו.

אין אַזאַ צושטאַנד פון ייִדישן טעאַטער־לעבן האָט באַגעגנט וואַרשע דאָס אײַנפירן די געטאָ־גזירה, וואָס האָט פאַרמאַכט אַ האַלבן מיליאָן ייִדן אונטער די מויערן און שטעכלדראָט פון ענגן, חושכדיקן „ייִדן־פערטל", ווי אַ פאַסטקע אויף בעסער אַדורכצופירן די היטלעריסטישע אויסראָטונג.

7.

אָבער דערווײַל האָבן ייִדן ווי עס איז געלעבט. און שוין אין דעצעמבער 1940, אַ חודש נאָכן פאַרמאַכן די ייִדן אין געטאָ, האָט זיך אין וואַרשע געעפנט דאָס ערשטע ייִדישע טעאַטער. אַ טעאַטער אין ענגן זין פון וואָרט, נישט קיין אויפטריטן בײַ טישלעך אין פריוואַטע שטיבער און קאַפעען.

אין דער צוריק אויפגעבויטער בודע אויף דזשיעלנע־גאַס (דעם אַמאָליקן „סקאַלאַ"־טעאַטער) האָבן מאיר ווינדער און שימחה ריבאַ — צוויי פאַרמלחמהדיקע אימפרעסאַרן — געעפנט דאָס טעאַטער „עלדאָראַדאָ" (אַ גן־עדן אין געטאָ . . .) מיט אַ רעווי „אין רעדל". לכתחילה האָט די רעווי געזאָלט הייסן, „זע, ווו דו גייסט", נאָר דעם נאָמען האָט די צענזור נישט דורכגעלאָזט. אַ סימן, אַז זי האָט גוט אַרײַנגעקוקט אין דער טעאַטער־שיסל.

דערבײַ מוז מען זיך קלאָר מאַכן, אַז אויב עס איז געעפנט געוואָרן אַ ייִדיש טעאַטער אין געטאָ — מיט אַפישן, אַ קאָנצעסיע — האָט עס געמוזט זײַן אַ דאַנק שתדלנות בײַם היטלעריסטישן אַקורפאַנט מצד מענטשן, וואָס זענען געווען אין נאָענטע באַציונגען מיט געוויסע אָקופאַנטישע אינסטיטוציעס. דאָס איז אָבער נישט שײַך דער אַקטיאָרן־גרופע, וואָס האָט געשפילט אין טעאַטער אונטער דער קינסטלערישער אָנפירונג פון אײַזיק סאַמבערג, רעזשי — שלמה קוטנער, אין באַשטאַנד: אסתר גאָלדענבערג, יוכבד זילבערג, מאַקס ברין, אברהם קורץ, זשאַק לעווי, עווע שטאָקפעדער, שימחה ראָזען, שלמה קאָן, דוויד בירנבוים, משה גאַרבאַזש א"א. צו זיי איז אָבער יאָ שײַך דער קינסטלערישער ניוואָ פון טעאַטער, וואָס האָט ווײַט נישט באַפרידיקט.

אין זײַן פריִער־דערמאָנטער אַרבעט פון רינגעלבלום־אַרכיוו שרײַבט יאָנאַס טורקאָוו: „מיט גרויס אינטערעס איז מען געקומען צו דער פײַערלעכער פרעמיערע פון ערשטן ייִדישן טעאַטער אין געטאָ. לײַדער איז אונדזער אַנטוישונג געוואַקסן פון איין נומער צום צווייטן. אָן אחריות, אָן שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער ערנסטקייט פון דער צײַט, אין וועלכער ייִדיש טעאַטער איז באַרופן, הגם מיט אַ צוים אויפן מויל, צו זאָגן זײַן וואָגיק וואָרט, האָט מען צוגעגרייט אַ פראָגראַם וואָס איז באַשטאַנען פון פאַרעלטערטע — בעסער געזאָגט, פון פאַרשימלטע אײַנאַקטער־סקעטשן, נאָר אַנדערש געשלײַערט. מען איז פשוט רויט געוואָרן פאַר בושה, זיצנדיק אין טעאַטער און צוהערנדיק די געשמאַקלאָזע וויצן און צוקוקנדיק זיך, ווי אונדזערע גוטע ייִדישע אַקטיאָרן מאַכן חוזק פון זיך און פון אונדז".

ווײַטער איז געגאַנגען נאָך ערגער. דאָס טעאַטער האָט אָנגעהויבן צו שפילן גאַנצע פיעסן פונעם מין „רבקהלע דעם רבינס", „ציפקע פון נאָוואָליפקע", „אונדזער רביניו", „דער וועג קיין בוענאָס־אײַרעס" און ענלעכע. גיך זענען אַוועק פון טעאַטער אַזעלכע אַקטיאָרן ווי סאַמבערג, קוטנער, אסתר גאָלדנבערג און זשאַק לעווי. אויף זייער אָרט זענען אַרײַן: רעגינע צוקער, דוויד זײַדערמאַן, חנה לערנער, שימחה פאָסטעל. מיט אַזאַ פאַרדאָרבענער טעאַטער־שפײַז האָט דאָס „עלדאָראַדאָ" געקאָרמעט די געטאָ־ייִדן ביז קורץ פאַר זײַן ליקווידאַציע. ווײַל ערשט אין מײַ 1942 פירט דאָרט אויף דער באַגאַבטער יונגער רעזשיסער מאַקס וויסקינד — וואָס האָט אין די יאָרן 1939—1941 געאַרבעט אין ביאַליסטאָקער און אין ווילנער ייִדישע מלוכה טעאַטערס און אין ווילנער געטאָ־טעאַטער — לעאָ קאָברינס „דאָרפסיונג". די פאָרשטעלונג איז געווען אַ קולטורעלע, קינסטלעריש געשטאַנען אויף אַ לײַטישער מדרגה און עס האָט זיך באַזונדערס אין איר אויסגעצייכנט דער יונגער האַררי זײַדערמאַן (אַ זון פון די אַקטיאָרן זײַדערמאַן־לערנער) אין דער ראָלע פון „יאַנקל בוילע". די פאָרשטעלונג האָט געקאָנט ווערן אַן אָנהייב פון קינסטלערישן אויפשטײַג פון „עלדאָראַדאָ". דאָס איז אָבער איבערגעריסן געוואָרן צוזאַמען מיטן אָנהייב פון דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ — די גרויסע אַקציע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22טן יולי 1942.

שימחה ראָזען

„עלדאָראַדאָ" איז נישט געווען דאָס איינציקע טעאַטער אין געטאָ. אַחוץ אַ ריי פוילישע טעאַטערס, ווו עס האָבן געשפילט געוועזענע אַקטיאָרן פון אָנגעזעענע פוילישע טעאַטערס, אַקטיאָרן מיט אַ ייִדישן פגם אין זייער אָפשטאַמונג — אַזעלכע טעאַטערס האָבן

זיך געשאפן איינציקע — איז אויך איינגיכן צוגעקומען דער „ניי־אזאזעל” אויף נאוואליפקע 72, א הויז, וואס איז געווען דירעקט ביי דער גרענעץ פון געטא. געשאפן איז עס געווארן דורכן איבערבויען א געוועזן מיסיאנעריש געבעטהויז, פינאנצירט געווארן איז דער איבערבוי פון טעאטער און זיין אנפירונג דורך... שמוגלערס, וואס האבן אין טעאטער געזען א באקוועמע טראנזיטבאזע פאר זייערע טראנספארטן. „ניי־אזאזעל” איז אנגעפירט געווארן דורכן אקטיאר חיים סאנדלער און געשפילט האבן דארט: חנה לעווין, ראזא גאזעל, ראזא סאנדלער, דוויד האמבורגער, י. באלבירסקי, יעקב וויינבערג, יוסף נייווירט, ראזא הילסבערג און א ריי פרישע נעמען, נישט פראפעסיאנעלע יידישע אקטיארן. אויך דאס טעאטער האט אנגעהויבן מיט א רעווי „די יידישע קאפעליע” און אריבערגעגאנגען צו גאנצע פיעסן, וואס האבן מיט זייער קולטור און קינסטלערישן ניווא נישט איבערגעשטיגן דעם „עלדאראדא”. סיידן — מיטן גלאנץ פון קאסטיומען און אויסשטאטונג, וואס איז געווען רייך און געשמאקלאז. שפעטער איז אין דעם טעאטער צוגעקומען סאמבערג, וועלכער האט געשפילט „דאס גרויסע געווינס”, „גאט פון נקמה”, „דבוק”, אפילו דעם „קארגן”, אלס פיעסע פון א יידישן מחבר (ווייל ווערק פון נישט־יידישע מחברים האט מען אין געטא נישט געטארט שפילן), אבער אויך ער האט נישט באוויזן שטארק צו הייבן דאס טעאטער. די סיבות? אויף דעם וועלן מיר זיך נאך שפעטער אפשטעלן.

גיך האט זיך געשאפן א דריט טעאטער אין „מעלאדי־פאלאס” אויף רימארסקע, ווו עס זענען איבערגעגאנגען פון „עלדאראדא” דוויד זיידערמאן, חנה לערנער, שימחה פאסטעל מיט אנדערע גוטע אקטיארן און פריש־אויפגעקומענע געטא־אקטיארן. און ווידער: „א יידישע חתונה”, „שכנא, ווו לויפסטו?” או”וו.

ערשט קורץ פאר דער גרויסער ליקווידאציע־אקציע האבן זיך אנגעהויבן אין זאל פון דער יודאיסטישער ביבליאטעק אויף טלאמאצקע 5 (ווו עס געפינט זיך היינט דער יידישער היסטארישער אינסטיטוט און ווו עס איז דאן געווען די „געזעלשאפטלעכע אליינהילף”) די אויפטריטן פון דיאנא בלומענפעלד און יאנאס טורקאוו אין דער קאמעדיע „פרוידס טעאריע פון חלומות”, וואס איז געווען פארטראכט אלס אנהייב פון אן ערנסטער קינסטלערישער טעאטער־אינסטיטוציע אין ווארשעווער געטא. דער פרווו איז אבער, צוזאמען מיט אלע פריער־אויסגערעכנטע טעאטערס, אפגעווישט געווארן דורך דער יולי־אקציע, וואס איז געווען אן אנהויב פון דער מאסנהאפטער ליקווידאציע פון ווארשעווער געטא.

עס האט זיך אויך ביים „צענטאס” אנטוויקלט אן אינטערעסאנטע טעאטער־ארבעט פאר קינדער, אויסגעפירט דורך א בריגאדע אין באשטאנד פון אייזיק סאמבערג, חנה בראז און אברהם **קורץ**.



חנה בראז

ביים יתומים־הויז פון יאנוש קארטשאק איז טעטיק געווען א מאריאנעטן־טעאטער אויך פאר יידישע קינדער פון דרויסן. עס זענען פארגעקומען פאראנטשטאלטונגען פון די פאלקסכארן אונטער דער אנפירונג פון י. גלאדשטיין און י. פייווישיס, אויפטריטן פון יידישן סימפאנישן ארקעסטער אונטער דער אנפירונג פון שמעון פולמאן, מ. נייטייך און א. פורמאנסקי, קאנצערטן פון יידישן ווארט, ליד און מוזיק, אויפטריטן פון די פארשידענע בריגאדעס ביי די יידישע הויז־קאמיטעטן, פון אמאטארן־קרייזן. טא ווו־זשע ליגט די סיבה פון דער אפגעשטאנענקייט פון דעם „לעגיטימען” יידישן טעאטער אין געטא, א טעאטער, וואס איז אזוי רייך געווען מיט אקטיארישע טאלאנטן און פאכמענישע מעגלעכקייטן? ווו ליגט דער סוד פון זיין קינסטלערישן בארג־אראפ? אויף דעם איז כדאי זיך באזונדער אפצושטעלן.

.8

מיר ווידמען ספעציעל אזויפיל פלאץ דעם טעאטער אין געטא, כאטש זיין צייטדויער שטייט נישט אין קיין שום פראפארץ צו די איבעריקע אפשניטן אין דער געשיכטע פון יידישן טעאטער אין ווארשע, מיט וועלכער מיר האבן זיך באמת דא צו באקענען אין אלגעמיינע שטריכן. מיר טוען עס דערפאר, ווייל די אייגנטימלעכקייטן פון די מאקאברישע באדינגונגען, אין וועלכע עס איז אויסגעקומען צו ווירקן דעם יידישן טעאטער אין געטא, איז אן אומפארגלייכלעכע און די באדינגונגען זענען איינציק אין זייער מין, קאנען זיך שוין מער נישט איבערחזרן.

דער סאציאלער אפשטאם פון יידישן טעאטער איז פון זיינע ערשטע טעג אן געווען א פאלקישער, אבער אפט מאל — א לומפן־פראלעטארישער.

אין געטא איז פארגעקומען א ראשיקע עקאנאמישע איבערגרופירונג. פולשטענדיקער אונטערגאנג פון גרויסע טיילן פון דער יידישער ארבעטערשאפט און פון די האנטווערקער, פויפעריזאציע פון דער מערהייט אזוי גערופענע באלעבאטישע יידן — פון מיטעלן־ און קליינבירגערטום. אויף דעם פאן — די שאפונג פון א נייעם שיכט: א לומפן־בורזשואזיע און קליינבירגערטום, דעמאראליזירטע אינטעליגענץ און פון לומפן־פראלעטאראט, אונטערוועלטניקעס, אויסווורפן פון דער יידישער באפעלקערונג. די בורזשואזיע און די בורזשואזע אינטעליגענץ האבן זיך קאנצענטרירט ארום דעם „יודענראט” און געפירט זייערע שמוציקע עסקים מיטן היטלעריסטישן אויסראטער, מיינענדיק אזוי ארום צו ראטעווען זייערע קלאסן־פאזיציעס און דאס נעבעכדיקע לעבן; די לומפן־בורזשואזיע האט זיך קאנצענטרירט ארום בארימטן „דרייצנטל”, דעם שאנטאזשיסטיש־קאלאבאראציאניסטישן פארזעעניש פון גאנצווייך, ארום קאן און העלער — גאנצווייכס קאנקורענטן, ארום דער יידישער געטא־פאליציי. דאס איז געווען א שיכט, וואס איז שנעל רייך געווארן אויפן חשבון פון יידישע צרות און בלוט און האט אויך אפנים געפילט, אז זיין רייכקייט איז נישט קיין דויערנדיקע און דעריבער געוואלט מער אריינכאפן פון לעבן מיט הוליאנקעס, ארגיעס, פארוויילונגען. דער שיכט האט עס בעיקר געגאסן פון די קאפעען, טעאטערס — ער איז געווען דער פינאנציעלער אנשפאר פון די אינסטיטוציעס. די יידישע אקטיארן האבן ממילא — באוווסטזיניק אדער נישט — אויסגעפירט א באדינונגס־פונקציע פאר דער לומפן־בורזשואזיע. באזונדערס לייטזעליק איז צו זיי געווען גאנצווייך, וועלכער האט זיך בכלל באמיט אנצוגיין אלס מעצענאט פון ליטעראטור און קונסט. (רינגעלבלום־נאטיצן פון 1942.12.10). ס'איז באקאנט

דער פאַל פון דער אימפּאָזאַנטער בר־מצוה־פײַערונג פון גאַנצווײַכס זון אין טעאַטער „נײַ־אַזאַזעל”. אין די רינגעלבלום־נאָטיצן געפינען מיר אויך אַ פאַרצײַכענונג פון 1941.4.17:

„די טעג האָט דאָ געווײַלט מערין. (1) מען האָט אים אויפגענומען, ווי אַ מלך. אין טעאַטער האָבן אים די אַקטיאָרן באַגריסט”... דאָס איז אַ קלאָרע, יודענראַטלערישע ראָלע פון אַ גרויסן טייל פון ייִדישן טעאַטער — פון דעם שונד־טעאַטער, וואָס האָט זיך באַפעסטיקט אין אַלע עקסיסטירנדיקע טעאַטער־געבײַדעס אין געטאָ. די שונד איז געווען אַן אויסדרוק פון די „קולטור”־באַדערפענישן פון יודענראַט און פון דער ייִדישער לומפּן־בורזשואַזיע. ס'האָט אויסגעפילט איין ווינקל פון זייער הפקרדיקן פאַרווײַלן זיך מיט טעאַטראַליזירטע פאָרמען פון הפקרות.

אָבער אויך דער פאַראָרעמטער אַרבעטער און די פּראָלעטאַרישע אינטעליגענץ, די פּראָגרעסיווע טײלן פון האַנטווערקערטום, קליינבירגערטום, האָבן געהאַט אַ באַדערפעניש נאָך טעאַטראַלער אויסלעבונג, וואָס איז ווי שוין פריִער געזאָגט געוואָרן אַן עלעמענטאַרע באַדערפעניש פון וואַרשעווער ייִדן. נישט ווי אַ הפקרדיק טאַנצן איבער מתים און קברים — ווי ס'איז געווען מיט דער לומפּן־בורזשואַזיע און יודענראַטניקעס — נאָר אַ נויטווענדיקייט מיט קינסטלערישע איבערלעבונגען און בילדער אָנצוזעטיקן די פאַנטאַזיע, אַרויסרופן מוח־רעגונגען, וואָס האָבן אפשר פאַרשטאַרקט דעם אויסדויער בײַ די שוידערלעכע באַדינגונגען, געשטאַרקט דעם גלויבן אין מפּלה פון היטלעריזם, אין נצחון פון ראַטן פאַרבאַנד. און אפשר האָבן ערגעץ־ווו אין אַ נשמה־ווינקל, די דאָזיקע רעגונגען געבוירן דעם געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ ווידערשטאַנד, וואָס האָט אין אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד אַרויסגערופן דעם היסטאָרישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

פאַר די טײלן פון דער געטאָ־באַפעלקערונג האָבן געדינט די פאָרשטעלונגען בײַ די בעסערע, פאָלקישע הויז־קאָמיטעטן — שוין אין זייער אָרגאַניזירטער פאַזע — די קאָנצערט־אימפּרעסעס פון דער „אַליינהילף”, די קינדער־פאָרשטעלונגען פון „צענטאָס”, דער לעצטער פּעריאָד פון דער טעטיקייט פון „עלדאָראַדאָ”־טעאַטער און דער טעאַטער־פּרוּוו אויף טלאָמאַצקע 5.

די צוויי שטראָמען פון ייִדישער טעאַטער־אַרבעט אין וואַרשעווער געטאָ דריקן אויס — אין גראָבע שטריכן — דעם סאָציאַלן פאַנאַנדערטיילונג אין געטאָ: דער שונדישער איז אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דער נײַער געטאָ־אַריסטאָקראַטיע, פאָלקס־פאַררעטער, לומפּן־בורזשואַזיע, ווי אַ נאָך מער פאַרקריפּלטער המשך פון דעם פאַרמלחמהדיקן שונד־טעאַטער (קאָן אפשר האָבן זײַן אַנאַלאָגיע אין אַ מאָליקן טעאַטער פאַר „טמאים” אין בוענאָס־אײַרעס) — ער האָט אין אַלגעמיין געדינט די דאָזיקע דעגענערירטע שיכטן; די ערנסטע פּרוּוון זענען אויסגעוואַקסן אויפן באָדן פון דער געטאָ־אָרעמקייט — דער אַרבעטער, פאָלקסמענטש און פאָלקס־נאָענטן אינטעליגענט — און האָבן מיט זייער אַרבעט אויסגעפירט די וויכטיקע מיסיע פון באַדינען קולטורעל, גײַסטיק קרעפטיקן די פּראָגרעסיווע שיכטן פון געטאָ.

אַז אַ באַדערפעניש נאָך ייִדיש טעאַטער איז געווען אפילו אין אַזעלכע שרעקלעכע באַדינגונגען, ווי אין געטאָ, דאַרף קיינעם נישט וווּנדערן. מיר האָבן אין באַזיץ מאַטעריאַלן, וואָס באַווײַזן אַז אפילו אין טויט־לאַגערן האָבן די קאַנדידאַטן אויף גאַז־קאַמערן ביזן לעצטן מאָמענט געקלאַמערט זיך אין טעאַטער־איבערלעבונגען. לויט עדות (געוועזענער לאַגערניק ה. העלמאַן פון לאָדזש) איז נאָך אין טויטנלאַגער מײַדאַנעק אײַזיק סאַמבערג אויפגעטרעטן מיט סצענקעס און רעציטאַציעס פאַר די אַרעסטאַנטן אין באַראַק. אין אַרבעטסלאַגער ניוקירכען הינטער ווראָצלאַוו האָט אין יאָר 1943 געגעבן קאָנצערטן דער ליבהאָבער ש. מאַיעווסקי פון לאָדזש (דערציילט פון געוועזענעם לאַגערניק דרעקסלער פון בענדין). דערזעלבער מאַיעווסקי זאָל נאָך אין 1945 יאָר האָבן אָרגאַניזירט ייִדישע פאָרשטעלונגען אין לאַגער גערליץ.



אייזיק סאַמבערג

בײַ די וואַרשעווער ייִדן איז ייִדיש טעאַטער געווען אַ לעבנס־באַדערפעניש אַזוי לאַנג, ווי עס האָט נאָך אָנגעהאַלטן בײַ זיי אַ געוויסע אילוזיע פון אַ לעבן. אין געטאָ האָט עס אָבער גאָר בולט אָנגענומען די פאָרעם פון צוויי שטרעמונגען: אַ רעאַקציאָנער־יודנראַטלערישער און אַ פּראָגרעסיוו־פאָלקישער.

ביידע שטרעמונגען זענען דערטרונקען געוואָרן אין ים פון בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן דורכן היטלעריסטישן אָקופּאַנט ביז דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ.

.9

צו האָבן מיר באַשריבן דעם סוף פון דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער אין וואַרשע? ניין! מיר האָבן זי דערווײַל דערפירט צו אַ געוויסן עטאַפּ. ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט צוזאַמען מיטן פּוילישן פאָלקס־מיליטער באַפרײַט וואַרשע אין יאַנואַר 1945, האָבן נאָר טיטאַנען פון אָפּטימיזם און אידעאָלאָגיש באַוואָפנטע מענטשן געקאָנט גלויבן, אַז וואַרשע וועט נאָך אויפשטיין תחית־המתים. די אַנדערהאַלבן־מיליאָניקע „שטאָט פון טויזנט פאַרבן” איז געלעגן אין חורבות, אײַנגעהילט אין רויך פון שריפות, מיט קוים צו געפינען סימנים פון אַ מענטשלעך לעבן צווישן די חורבות, אין דער אונטערערד פון קעלערס און בונקערס. אָבער אַזעלכע טיטאַנען פון אָפּטימיזם זענען געווען די פירער פון פאָלקס־פּוילן, וואָס האָבן באַשלאָסן: וואַרשע מוז צוריק אויפגעבויט ווערן, אויפשטיין תחית־המתים, ווערן די הויפּט־שטאָט פון נײַעם פּוילן!

מיט אַן אויסערגעוויינלעכער ענערגיע האָט דאָס פּוילישע פאָלק

---

1) דער „יודענעלטסטער” פון זאַגלעמביער געטאָס, גאַנצווייכס אַ שוואָגער.

אויפגענומען דעם רוף פון זײַן רעגירונג און אין עכט „וואַרשעווער טעמפּן” אָנגעהויבן צוריק אויפבויען זײַן באַליבטע הויפּטשטאָט.

יעדער טאָג האָט געבראַכט אַן ענדערונג, יעדער טאָג האָט באַלעבט די שטאָט, אַלץ מער זי באַפעלקערט. און מיט דעם אַלגעמיינעם וווּקס פון דער שטאָט האָבן זיך אָנגעהויבן אויך צו באַווײַזן אירע תושבים זײַט הונדערטער יאָרן — די רעשטלעך פון די יידן. געציילטע, וואָס האָבן דורך פאַנטאַסטישע באַהעלטענישן באַוויזן איבערצוקומען די רדיפות, פאַרטיליקונג, חורבן און שריפות; צוריקקומענדיקע, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער אומגעגנט אויף דער אַרישער זײַט, אין בונקערס, אין וועלדער; געקומענע אַלס באַטייליקטע אין די קאַמפן פון באַפרײַערישן פוילישן פאָלקס־מיליטער; צוריקגעקומענע פון ראַטן פאַרבאַנד, וווּ זיי האָבן זיך געראַטעוועט בעת דער מלחמה.

שוין אין די ערשטע חדשים נאָך דער באַפרײַונג — אויפטריטן פון עטלעכע געראַטעוועטע ייִדישע קינסטלער פון וואַרשעווער געטאָ.

אָנהייב 1946 קומען צוריק פון ראַטן פאַרבאַנד די אַלטע ייִדישע אַקטיאָרן שימחה נאַטאַן און נאָך אייניקע (געקומענע פריוואַט, אָדער מיטן מיליטער); זיי פאַראייניקן זיך מיט געראַטעוועטע אין די לאַגערן און שטעלן שלום־עליכמס „דעם בלוטיקן שפּאַס”, שפּילנדיק אויך אַפּאָר פאָרשטעלונגען אין וואַרשע. אין יולי 1946 שטאַרבט דאָרט דער גלענצנדיקער כאַראַקטער־אַקטיאָר און טעאַטער־אָרגאַניזאַטאָר שימחה נאַטאַן, וועלכער געפינט זײַן אייביקע רו אויפן וואַרשעווער בית־עולם, נישט ווײַט פון דעם גאַנץ־געבליבענעם קבר און מצבה פון אסתר־רחל קאַמינסקי.

וואַרשע וואַקסט מיט יעדן טאָג אַלץ מער אַרויס פון חורבות, עס וואַקסט די ייִדישע באַפעלקערונג און איר באַדערפעניש נאָך ייִדיש טעאַטער. קומען דערווײַל געציילטע רעווי־פאָרשטעלונגען פון לאָדזשער ייִדישן טעאַטער, קאָנצערט־אויפטריטן פון געסט און — צום פינפטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, פאַר די וואַרשעווער ייִדן און הונדערטער געסט, וואָס זענען געקומען פון דער וועלט צו דעם אָפּדעקן דעם דענקמאָל פון ייִדישער גבורה — שפּילט דאָס „נידערשלעזישע ייִדישע טעאַטער” אינעם ריזיקן טעאַטערזאַל פון זיכערהייטס־מיניסטעריום צוויי זײַנע פאָרשטעלונגען: „די גרינע פעלדער” פון פּרץ הירשביין און גאָרדינס „מירעלע אפרת” מיט אידאַ קאַמינסקאַ. זײַט דאַן קומען שוין ספּאָראַדיש מיט זייערע פאָרשטעלונגען קיין וואַרשע דאָס לאָדזשער און נידערשלעזישע ייִדישע טעאַטער.

פון מערץ 1949 ווערט אין וואַרשע, אויף פּראַגע, נעבן די חורבות פון דער אַלטער שיל פון שמואל זביטקעווער, אין דעם צוריק אויפגעבויטן בנין פון דער אַ מאָליקער קהילה־שיל אויף יאַגעלאָנסקע 28 — דערעפנט אַ קליינער ייִדישער טעאַטער־בנין, וואָס ווערט דער אָפטער גאַסטגעבער פון ייִדישן טעאַטער. דאָס טעאַטער, בעיקר — די בינע, — איז צוגעפּאַסט געוואָרן פאַר די באַשיידענע באַדערפענישן פון דעם דאַן קנאַפּצאָליקן ייִדישן וואַרשע, איז אָבער גיך געוואָרן צו קליין פאַר דעם אויסגעוואָקסענעם ייִדישן מלוכה־טעאַטער, וואָס איז אויפגעקומען סוף 1949 אַלס רעזולטאַט פון דער פאַראייניקונג פון לאָדזשער מיטן נידערשלעזישן ייִדישן טעאַטער. צו קליין אויך פאַר דער כסדר־וואַקסנדיקער ייִדישער באַפעלקערונג אין וואַרשע.

דינט שוין דאָס ייִדישע טעאַטער אויף יאַגעלאָנסקע 28 נאָר פאַר קליינע, קאַמעראַלע אויפפירונגען פון ייִדישן מלוכה־טעאַטער און פאַר די פאַרנעמפולע אויפפירונגען זענען נייטיק גרויסע טעאַטערס מיט גרויסע בינעס. קומט אויס צו שפּילן אין פאַרשידענע טעאַטער־זאַלן אין וואַרשע: „דאָס טעאַטער פון פוילישן מיליטער” אויף קרולעווסקע 5, „פּאָווּשעכני” אויף פּראַגע, „טעאַטער פון נײַעם וואַרשע”, מאַרשאַלקאָווסקע 8, „אַטענעום”, אויף יאַראַטשאַ און אפילו אין נאַציאָנאַלן טעאַטער, אין „טעאַטער נאַראָדאָווי” אויפן טעאַטערפּלאַץ, אין וועלכן עס זענען געשפּילט געוואָרן אייניקע גרויסע אויפפירונגען פון ייִדישן מלוכה־טעאַטער: אַ. פּאַפּאָווס „פאַמיליע” (וועגן די יוגנט־יאָרן פון וול'. לענין), די פּרץ־אויפפירונג „אַ מאָל איז געווען”, בינעם העלערס „אַ שטוב אין געטאָ”.

אין דורכשניט שפּילט שוין איצט דאָס ייִדישע מלוכה־טעאַטער צו פיר פאָרשטעלונגען אַ חודש אין וואַרשע און די צאָל פון זײַנע שטענדיקע באַזוכער וואַקסט באַדײַטנדיק מיט יעדן יאָר. אַ „גאָלדפאַדען־חלום” איז שוין געשפּילט געוואָרן אין וואַרשע איבער צוואַנציק מאָל, ווערנדיק באַוווּנדערט דורך אַ זעקס טויזנט צושויער; „מאיר עזאָפּאָוויטש” האָט אין זיבן מאָל שפּילן פאַרזאַמלט פיר טויזנט צושויער און וועט נאָך אַ סך מאָל געשפּילט ווערן אין וואַרשע, פּונקט ווי אַ ריי אַנדערע פּיעסעס.

דער אינטערעס צום ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין וואַרשע איז אַזוי גרויס, אַז עס שטראָמען אויף זײַנע פאָרשטעלונגען גרויסע גרופּעס פון פוילישע אַרבעטער־קרײַזן, פון די ליטעראַטור־ און קונסט־קרײַזן, פון דער פוילישער אינטעליגענץ. אין אַנדערע אויסמעסטן, אַנדערע באַדינגונגען, פאָדערונגען און קולטור־ניוואָ, — חזרט זיך איבער אַן ענלעכע דערשײַנונג, ווי מיט איבער הונדערט יאָר צוריק, בײַם וויגעלע פון ייִדישן טעאַטער. אויך דאָרט זענען זיך צונויפגעקומען אויף די פאָרשטעלונגען זײַנע ייִדישע און פוילישע פאָלקס־מענטשן פון וואַרשע, בשותפות הנאה־געהאַט פון דעם באַליבטן קינד פון דער ייִדישער פאָלקס־קולטור — פון ייִדישן טעאַטער.

וואַרשע וואַקסט כסדר מיט אירע „וואַרשעווער טעמפּן”. עס קומען צו נײַע וווינקוואַרטאַלן, עס פאַרשווינדן די חורבות, עס וואַקסן נײַע גאַסן, נײַע זוניקע בנינים, מיט דעם מאָנומענטאַלן קולטור־פּאַלאַץ אויפן נאָמען פון י. סטאַלין (אַ מתנה פון דער סאָוועטישער רעגירונג פאַר דעם זיך ווידערבויענדיקן וואַרשע), וועלכן מען זעט שוין אין זײַן פולער פּראַכט אין צענטער פון דער שטאָט און זײַן סילועט — אין קרײַז פון פופציק קילאָמעטער אַרום וואַרשע.

עס וואַקסט אויך די באַדערפעניש נאָך ייִדיש טעאַטער אין וואַרשע, עס וואַקסן די רייען נאָך בילעטן, ווען דאָס ייִדישע מלוכה־טעאַטער קומט שפּילן קיין וואַרשע.

און ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין אַ פּאָר יאָר אַרום, ווען די שטאָט וועט זײַן פולשטענדיק צוריקגעבויט, ווען זי וועט נאָרמאַל אָנהייבן צו לעבן מיטן לעבן פון אַן אַנדערהאַלבן — אָדער צוויי־מיליאָניקן שעפערישן מענטשלעכן קיבוץ, וועט דאָס ייִדישע טעאַטער צוריק געפינען זײַן שטענדיקע היים אויפן אָרט, וווּ עס איז געשטאַנען זײַן וויגעלע, אין —

„וואַרשע, די שטאָט פון טויזנט פאַרבן”.

ווראָצלאַוו, נאָוועמבער 1953

י. סטוטשעווסקי (תל־אביב)

די מוזיק און דאָס מוזיקאַלישע לעבן אין וואַרשע

מוזיק שפּילט אין לעבן פון פעלקער אַ וויכטיקע ראָלע. בײַ קיין שום פאָלק קומט נישט פאָר קיין פײַערונג, חתונה, אָדער יום־טוב, און אפילו נישט דאָס אָפּריכטן תּפילות, אָן געזאַנג און טענץ. אויך בײַ ייִדן איז מוזיק אַ געטרײַע אָפּשפּיגלונג פון זייער לעבנס־אינהאַלט און פון זייערע טראַדיציעס אין משך פון זייער גאַנצער געפאַרפולער געשיכטע.

שוין אין די ביבלישע צײַטן האָט מוזיק אין רעליגיעזן און אויך אין נישט־רעליגיעזן לעבן פון ייִדישן פאָלק פאַרנומען אַ וויכטיק אָרט. נאָך דעם ווי ייִדן האָבן זיך צעשפּרייט אין אַ סך לענדער איז דאָס לייענען פאַרבונדן געווען מיט אַ גענוי פאַרצייכנט מוזיקאַליש אויסזינגען די ווערטער (אַ מין נאָטן־צייכן איבערן וואָרט, אַן אַקצענטירונג, אָדער טראָפּ). אַזוי זענען אויך די וויינענדיקע מעלאָדיעס פון די קלאָגלידער (קינות), דאָס אויסזינגען תהילים, דאָס התלהבותדיקע גאָט־דינען פון די חסידים מיט זייער זינגען און טאַנצן, וואָס ברענגט אַרויס אַ געוואַלדיקן מוזיקאַליש־שעפערישן כּוח. צו דעם קומען צו די האַרצרײַסנדיקע ייִדישע פאָלקסלידער, צווישן זיי די וויכטיקע אַרבעטסלידער געזונגען סײַ בײַ די יחידישע אַרבעטן, סײַ בײַ די בשותּפותדיקע, און סײַ בײַ די הויזאַרבעטער. און צו דעם די פאַרכאַפּנדיקע מוזיק פון די כּלי־זמרים, וואָס דאָס אַלץ איז אַ גענוגנדיקער באַווײַז אַז מוזיק, זינגען און טאַנצן איז בײַ ייִדן פון די עלטסטע צײַטן גאָר אַ ווירקלעכע לעבנסנויטווענדיקייט. די גרעסטע לײַדן און די שרעקלעכסטע פּײַן זענען נישט בכּוח געווען צו דערשטיקן בײַ ייִדן די באַדערפעניש צו אַ מוזיקאַליש אויסלעבן זיך און צו פאַרווײַלונגען.

די ייִדיש־מוזיקאַלישע אַנטוויקלונג, פאַרבונדן מיט דער טראַדיציע, ציט זיך אין אַ נישט־איבערגעריסענער ליניע פון די עלטסטע צײַטן אָן. צו ערשט איז געווען רעליגיעזע און פאָלקסמוזיק, אין מיטל־עלטער זענען דערשינען פּורים־שפּילער, ס'איז אַרײַן אין געברויך חתונה־מוזיק און ס'האָבן זיך באַוויזן וואַנדערנדיקע כּלי־זמרים. דערנאָך קומען אויף די בדחנים ווי שלמה בילוא, דער שלמה השחקן, געשטאָרבן אין 1862 — אַ בדחן וואָס האָט נאָך פאַר דער גאָלדפאַדען־עפּאָכע און פאַר די בראָדער זינגער פאַרווײַלט די ייִדן אין די שטעט און שטעטלעך מיט שפּילן ייִדיש טעאַטער. ס'קומען אויף דורות כּלי־זמרים, ס'פאַרגרעסערט זיך די צאָל פאָלקזינגערס און ס'אַנטשטייט ענדלעך דאָס ייִדישע טעאַטער, וואָס וואָלט זיכער דאַן אָן מוזיק און געזאַנג, נישט געהאַט קיין קיום. אַ סאַך לידער און קופּלעטן וואָס זענען אַרײַנגעדרונגען אין פאָלק זענען געשאַפן געוואָרן אויף די טעאַטער־ברעטער און פון דאָרט געוואָרן פּאָפּולאַריזירט.

אַזוי אַרום איז געשיכטלעך גענוג דערקלערלעך דאָס אַנטשטיין פון אַ פאָלקסמוזיק־גײַסט בײַ ייִדן, פון אַן אייגענעם מוזיק־פאָלקלאָר. דאָס אויסלעבן זיך פון גאַנצע דורות אין אַן אייגענעם קולטורקרײַז, אין אַן אייגענער גײַסטיקייט און שפּראַך, האָט גורם געווען צו אַן אייגענעם פאָלקסטימלעכן מוזיק־אויסדרוק, אַרויסגעבראַכט אין אייגנאַרטיקע ייִדישע מוזיק־שאַפונגען. דאָס באַציט זיך ספּעציעל צו די מזרח־ייִדן, וועמעס ניגונים און כאַראַקטעריסטישע ריטמיק זענען פון אַ פולשטענדיק אייגענער פאָרמירונג.

נישט בלויז דער געאָגראַפישער פאַקטאָר נאָר אויך די צוגעהעריקייט צו אַ געוויסער קולטור, באַשטימען דעם אויסדרוקס־אינהאַלט פון דער מוזיק בײַ יעדן פאָלק. ס'איז נישט קיין צופאַל וואָס די מזרח־ייִדן, וועלכע האָבן געשעפּט זייער מוזיקאַלישע יניקה פון די „ביבלישע געזאַנגען″, פון דער „כּלי־זמרים־מוזיק″ און פון די פאָלקסלידער, האָבן געשאַפן אַן אייגענע „מוזיק־לאַנדשאַפט″.

דער ייִדישער לעבנסרוים אין מזרח־אייראָפּע האָט באַוויזן אַרויסצוברענגען כאַראַקטעריסטישע פאָרמען פון אַן אייגנאַרטיקער, לעבעדיק־פּולסירנדיקער און אויסערגעוויינלעך שעפערישער מוזיק.

די כּלי־זמר משפּחות, טיף אײַנגעגלידערט אין ייִדישן פאָלקסלעבן אין אַלע לענדער וווּ ייִדן האָבן זיך געפונען, האָבן געשאַפן אַן אייגענע געמיינשאַפט, וואָס, שטיצנדיק זיך אויף די אייגענע כּוחות, האָבן זיי באַוויזן אַרויסצוברענגען גאַנצע דורות כּלי־זמרים און אויסגעהאַלטן זיי ביזן 19טן יאָרהונדערט, ווען אַ טייל פון זיי האָט שוין דערגרייכט די קאָנסערוואַטאָריעס און אַלס אויסגעבילדעטע מוזיק־ווירטואָזן האָבן זיי זיך אָפּגעטיילט פון דער געמיינשאַפט און געשאַפן אַן אייגענע ייִדישע ווירטואָזן־עליטע. דאַן האָבן די כּלי־זמרים זיך געזען געצוווּנגען צו פאַרזיכערן זייער אַקטיוויטעט אַלס געמיינשאַפט. זייער מוזיק — אַן אינטויִטיווע און אויגנבליקלעך אַן אימפּראָוויזירטע אין אַ צושטאַנד פון באַגײַסטערונג, אַן אָפּשפּיגלונג פון זייער צײַט און סביבה, פון זייער מוזיקאַליש עמאָציאָנעלער טרײַבקראַפט — שטאַמט אָפּ פון דעם אוראַלטן מוזיקאַלישן טרײַב־כּוח. די מוזיק איז געווען זייער לײַדנשאַפט, די מעכטיקסטע ספּרונזשינע פון זייער כּלי־זמרשער עקזיסטענץ.

פאָלקסלידער. פּונקט ווי די פאָלקסלידער פון אַנדערע פעלקער איז אויך דאָס פאָלקסליד בײַ ייִדן אַן אויסדרוק פון אַ געמיינזאַמען פילן. אַ ליד פון אַ צופעליקן דיכטער און מוזיקער, אָדער גאָר געשאַפן פון אַ פּשוטן מענטש, קען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ריכטיק פאָלקסליד אויב ס'באַווײַזט זיך אַרײַנצודרינגען אין די ברייטע פאָלקסמאַסן. ייִדישע לײַדן, עלנט און צער, ייִדישע בענקשאַפט, פאַרלאַנגען און אויפגעפלאַקערטע האָפענונגען — דאָס

אַלץ קומט צום אויסדרוק אין פאָלקסליד, אַרויסגעבראַכט אין צאַרטע ריטמען און אין פשוטע מעלאָדיעס. דעריבער זענען די לידער פון די מזרח־ייִדישע דיכטערס און מוזיקערס אין פּוילן זין פון וואָרט ייִדיש פאָלקס־פאַרמעגן.

חסידישע מוזיק. דער טיפער גלויבן פון די חסידים און זייער אומאָפּפרעגלעכער צוטרוי צו אַלץ וואָס גאָט טוט האָט בײַ זיי געשאַפן אַ ספּעציפישע נייגונג אויסצודריקן זייער התלהבות דורך פריידיקע געזאַנגען — אַ מין מוזיקאַלישע מאַניפעסטירונג וואָס האָט זיך בײַ זיי אַנטוויקלט און מיט דער צײַט זיך טיף אײַנגעוואָרצלט. אַזוי איז אַנטשטאַנען דער ניגון וואָס האָט פאַרבונדן די גאַנצע חסידישע באַוועגונג. דער חסידישער ניגון ברענגט אַרויס די פאַרשידנאַרטיקייט פון ייִדישן גײַסט און איז אַ ווערטפולער דאָקומענט פון דער ייִדישער מוזיקאַלישער באַגאַבקייט און באַווײַזט אויך ווי שטאַרק ס׳איז אַרײַנגעדרונגען בײַם ייִדישן פאָלק די באַדערפעניש נאָך מוזיק.

די גאַנצע וויטאַליטעט פון ייִדישן פאָלק קומט בולט צום אויסדרוק אין דער מזרח־ייִדישער פאָלקסמוזיק. זי ברענגט אַרויס אַ סך באַדייטנדיקע אייגנאַרטיקע עלעמענטן און נישט נאָר זי פאַרלייקנט נישט איר נאַציאָנאַלן כאַראַקטער נאָר זי הייבט זיך באַדייטנדיק אַרויס פון צווישן דער פאָלקסמוזיק פון אַנדערע פעלקער. די צאָלרײַכע פאָלקסלידער און פאָלקסטענץ, צוזאַמען מיט דער שטאַרק אײַנפלוסרײַכער כלי־זמר מוזיק, שאַפן אַן אומצעשטערלעכן מאָנומענט פון דער מזרח־ייִדישער מוזיק־קולטור.

ייִדישע מוזיק אין וואַרשע.

צוליבן מאַנגל אין היסטאָריש־דאָקומענטירטן־מאַטעריאַל איז געווען אוממעגלעך פעסטצושטעלן די פולשטענדיקע פּרעציזקייט פון די דאַטעס וואָס זענען אָנגעגעבן אין דער אַרבעט. איך האָב זיך אָבער באַמיט אַרויסצוברענגען דאָס וואָס איז יאָ פעסטגעשטעלט וועגן די ייִדיש־מוזיקאַלישע שאַפונגען אין וואַרשע און וועגן דער באַטייליקונג פון ייִדישע מוזיקער אין דעם פּוילישן מוזיקאַלישן לעבן פון וואַרשע. לעבן די באַקאַנטע נעמען פון די וואַרשעווער ייִדישע מוזיק־שעפערס, וועגן וועלכע עס וועט ווײַטער זײַן די רייד, ווילן מיר, אויך דערמאָנען מיט אַ געפיל פון יראת הכבוד אין דער ערשטער ריי די יעניקע וואָס האָבן אַזוי פיל בײַגעטראָגן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון ייִדישן ליד און ייִדישער מוזיק, כאָטש זיי האָבן געאַרבעט אַנאָנים און זייערע נעמען זענען געבליבן אומבאַקאַנט.

איינער פון די באַקאַנטסטע זאַמלער און פאָפּולאַריזירער פון ייִדישן מזרח־אייראָפּעיִשן פאָלקסליד איז געווען מנחם קיפּניס (געבוירן אין 1878 אין אושאָמיר, וואָלין, געשטאָרבן אין 1942 מיט אַ נאַטירלעכן טויט אין וואַרשעווער געטאָ) ווי אַ זון פון אַ חזן האָט מנחם שוין אַלס ייִנגל אַ סך געזונגען. ער איז געפאָרן קיין זשיטאָמיר און בערדיטשעוו, געזונגען בײַ ניסן בעלזער און בײַ ראָוונערן, מיט וועלכן ער איז אַרומגעפאָרן איבער גאַנץ וואָלין, פּאָדאָליע, בעסאַראַביע, ליטע און פּוילן. זײַן מוזיק־שטודיום האָט ער דורכגעמאַכט אין דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע און דערבײַ זיך אויך פּריוואַט געלערנט בײַ בענסמאַנען. אין יאָר 1902 טרעט קיפּנים אויף אַלס טענאָר אין כאָר פון דער וואַרשעווער מלוכה־אָפּערע וווּ ער פאַרבלײַבט שוין כמעט 16 יאָר. גלײַכצײַטיק איז ער געווען ליטעראַריש טעטיק אין די העברעיִשע צײַטונגען און צײַטשריפטן — אין „הצופה", „המליץ", „הײַנט", די „טעאַטער־וועלט" און „דער שטראַל". אין די „ראָמאַן־צײַטונג" האָט ער געהאַט אַ שטענדיקע רובריק אונטערן נאָמען: „מוזיקאַלישער אַלבום". אין יאָר 1913 הייבט קיפּנים אָן צו זאַמלען ייִדישע פאָלקסלידער און כדי זיי צו פּאָפּולאַריזירן טרעט ער מיט זיי אויף אין אַ סך קאָנצערטן צוזאַמען מיט זײַן פרוי. אין 1918 גיט ער אַרויס „60 ייִדישע פאָלקסלידער", אין 1925 — „80 ייִדישע פאָלקסלידער", אַ טייל פון זיי האָבן מיט פּיאַנאָ־באַגלייטונג באַאַרבעט מ. בענסמאַן, קאָלבאַס און אָשמירסקי. נאָך אין 1912 האָט קיפּנים פאַרעפנטלעכט די ביכלעך „באַרימטע ייִדישע מוזיקערס" און „נסים ונפלאות". אין מאַנוסקריפּט האָט ער איבערגעלאָזט זײַנע „ייִדישע כלי־זמר אין פּוילן" און „פון פּרימיטן פאָלקסליד ביז צו ייִדישער סימפאָנישער מוזיק". נאָך זײַן טויט איז דערשינען אין אַרגענטינע אַ באַנד אויסגעוויילטע לידער פון זײַנע זאַמלונגען מיט אַ ביאָגראַפישן אַרײַנפיר. אין די 40 יאָר פון זײַן לעבן אין וואַרשע האָט מנחם קיפּנים זיך פולשטענדיק צונויפגעוואַקסן מיטן דאָרטיקן ייִדישן לעבן און איז געוואָרן שטאַרק אָנגעזען ווי אַ זינגער און פעליעטאָניסט.

זיין פרוי זימרה זעליגפעלד איז געווען אַ מלמדס אַ טאָכטער, אַ געבוירענע אין וואַרשע, זי האָט געהאַט אַ שיינע סאָפּראַנשטים און אונטער דער מוזיקאַלישער אָנפירונג פון קיפּניסן איז זי אויסגעוואַקסן אין אַ פײַנער אינטערפּרעטירערין פון ייִדישן פאָלקסליד. צום מערסטנס פלעגט זי אויפטרעטן צוזאַמען מיט איר מאַן, אויך דאַן ווען ביידע האָבן זיך געפונען אין געטאָ. קורץ נאָך קיפּניסעס טויט איז זי פאַרשלעפּט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

זמרה זעליגפעלד

מ. קיפּניס

יהודה לייב כהן. (געבוירן 1881 אין ווילנאָ, געשטאָרבן 1937 אין ניו־יאָרק) איז געווען אַ פאַרדינסטפולער און געוויסנהאַפטער פאָלקלאָריסט. צו זעקס יאָר איז ער אָנגעקומען קיין וואַרשע און אַ דאַנק זײַן אומדערמידלעכער אַרבעט האָט ער באַוויזן צווישן די יאָרן 1896 און 1901 צונויפצושטעלן אַ וויכטיקע זאַמלונג פון פאָלקסלידער. דער ייִדישער מוזיקער רוסאָטאַ האָט פאַרצייכנט די מעלאָדיעס פון די דאָזיקע פאָלקסלידער און אין 1912 איז פון זיי דערשינען אין ניו־יאָרק 2 בענד „ייִדישע פאָלקסלידער מיט מעלאָדיעס פון פאָלקס־מויל" (צווייטע אויפלאַגע דערשינען אין 1920). כהן האָט אויך אָנגעשריבן אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג „פאָלקסגעזאַנג און פאָלקסליד" (פאַרעפנטלעכט אין „לאַנדאַו־בוך" פון ייִוואָ. כהן האָט נאָך אין 1901 אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן און פון דאָרט קיין אַמעריקע).

פון די עלטסטע צײַטן האָט מען בעתן דאַווענען אין די שילן זיך באַנוצט מיט כאָרגעזאַנגען וואָס איז אָפט געווען אויסגעצייכנט. ווער דערמאָנט זיך דאָס נישט די פּרעכטיקע אַלטשטימען מיטן פאַרכאַפּנדיקן סאָלאָ־געזאַנג פון די יונגע משוררימלעך? נישט זעלטן זענען די דיריגענטן פון די דאָזיקע כאָרן געווען געשולטע מוזיקערס וואָס האָבן געוווּסט ווי אַזוי צונויפצושטעלן כאָרן און ווי זיי אָנצופירן: אָפט האָבן זיי אַפילו אַליין געשריבן קאָמפּאָזיציעס און געוווּסט ווי אַזוי אַרויסצובאַקומען גוט־קלינגנדיקע כאָראַלע געזאַנגען. גראָד האָבן זיך אין וואַרשע געפונען אַ גאַנצע ריי העכסט־באַגאַבטע ייִדישע כאָר־דיריגענטן, אמתע מוזיקאַלישע טאַלאַנטן.

איינער פון די באַקאַנטסטע כאָר־דיריגענטן אין וואַרשע איז געווען דוויד אײַזנשטאַט (1890—1943) זינט 1921 איז ער דיריגענט פון די וואַרשעווער קאָרשיל און זינט 1936 פירט ער אויך אָן מיטן שטודיום פון דער חזנות־אָפּטיילונג אין ייִדישן מוזיק־אינסטיטוט „ווים". גלײַכצײַטיק איז ער אויך געווען דיריגענט פון פאָלקס־כאָר פון דער „קולטור־ליגע" און פון כאָר פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע. צוזאַמען מיט אַ. פּראַגערן האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם „אַלגעמיינעם מוזיק־לעקסיקאָן", וואָס איז געווען די ערשטע ייִדישע מוזיק־ענציקלאָפּעדיע, לײַדער זענען דערפון בלויז דערשינען אין 1935 די ערשטע צוויי העפטן. אײַזנשטאַט איז אויך געווען אַ באַגאַבטער קאָמפּאָזיטאָר. בעת זײַן לעבן איז גאָר נישט געדרוקט געוואָרן פון זײַנע ווערק און שפּעטער זענען זײַנע מאַנוסקריפּטן אומגעקומען צוזאַמען מיט אים אין טרעבלינקע. אויף וויפל עס איז אונדז באַקאַנט האָט ער אָנגעשריבן מוזיק צו לייוויקס „גולם" און אַן אָראַטאָריע לויט מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַס ליד: „ווען דער מלך איז אַרויס אין קריג" און אַ סך שאַפונגען פאַר כאָר און פאָלקסלידער.

אײַזנשטאַטס טאָכטער מאַרישאַ (1922—1943) האָט פון קליינערהייט אָן געשפּילט פּיאַנאָ און צו 18 יאָר איז זי שוין אויפגעטרעטן אַלס דערפאָלגרײַכע זינגערין אין ישראל־לידער אויף העברעיִש און אין פאָלקסלידער אויף ייִדיש. דערנאָך אין געטאָ איז זי באַרימט געוואָרן אַלס די „נאַכטיגאַל פון וואַרשעווער געטאָ". ווען זי פלעגט זינגען איז דער טעאַטער „פעמינאַ", וואָס האָט געהאַט 1000 פּלעצער, אַלע מאָל געווען פול. אויך זי איז אויף אַ טראַגישן אופן אומגעקומען. ווען מען האָט מאַרישאַן אַרויסגעפירט פון געטאָ צוזאַמען מיט אירע עלטערן איז זי אין דעם טויטנמאַרש געווען איינע פון די לעצטע, אַן „איבעריקע" און אויסער דער ריי. זי האָט דעריבער נישט געקענט מיטגיין און וואָלט געדאַרפט בלײַבן און אַזוי אַרום זיך ראַטעווען. אָבער מאַרישאַ האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן די עלטערן און זי האָט אַ וויינענדיקע זיך געבעטן בײַ די דײַטשן אַז מ'זאָל איר לאָזן מיטגיין. ווען מ'האָט זי ברוטאַל צוריקגעשטויסן און זי האָט זיך דאָך צוריקגעקערט, האָט אַ דײַטש פאַר די אויגן פון די עלטערן זי דערשאָסן.

יצחק שלאָסבערג (1877—1930) האָט אָנגעהויבן ווי אַ דיריגענט פון אַ שילכאָר און איז דערנאָך אַריבער צום טעאַטער. י. שלאָסבערג איז געבוירן אין פּעטערבורג אָבער שוין גאַנץ יונג קומט ער אָן קיין וואַרשע, ווו ער ווערט דיריגענט פון דער גרויסער שיל, שליסט זיך אָן אין „ישורון" און דערנאָך דיריגירט ער אויך אין פאַרשידענע ייִדישע טעאַטערס. ער פּאַסט צו מוזיק צו פאַרשידענע תּפילות פון וועלכע אייניקע זענען שטאַרק באַרימט געוואָרן צוליב דעם וואָס עס האָט זיי געזונגען דער גרויסער חזן סיראָטאַ און ווײַל זיי זענען אויך אויסגעקריצט געוואָרן אויף גראַמאָפאָן־פּלאַטן.

אויסער אין די שילן איז לכתּחילה דאָס קולטיווירן כאָרגעזאַנג בײַ ייִדן געווען ווייניק פאַרשפּרייט. ערשט נאָכן ריזיקן דערפאָלג פון די כאָר קאָנצערטן פון לאָדזשער געזאַנג־פאַראיין „הזמיר", וואָס איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין וואַרשע אויף עטלעכע אויפטריטן אַ דאַנק די באַמיִונגען פון פּרצן און סאָקאָלאָוון — ערשט דאַן איז אויך אין וואַרשע רײַף געוואָרן דער געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט צו קולטיווירן ייִדיש כאָרגעזאַנג. אַזוי איז אין 1908, אַנטשטאַנען דער וואַרשעווער „הזמיר־כאָר", וואָס האָט שפּעטער געציילט ביז 150 זינגער און זינגערינס. דער „הזמיר־כאָר", וואָס האָט זיך באַזונדער געווידמעט דעם ייִדישן פאָלקסליד, איז געוואָרן דער מיטלפּונקט פון ייִדישן מוזיק־לעבן אין וואַרשע און האָט אַ סך בײַגעטראָגן צו דער באַרײַכערונג און פאַרשפּרייטונג פון ייִדישן פאָלקסליד.

דער ערשטער דיריגענט פון וואַרשעווער „הזמיר" איז געווען לעאָ ליאָוו (געבוירן אין 1878). שוין צו 15 יאָר דיריגירט ליאָוו דעם גרויסן כאָר אין דער ווילנער שטאָטישער שיל, אָבער זײַן געזאַנג־שטודיום זעצט ער פאָר. צו 21 יאָר פאַרענדיקט ער די וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע און דאַן הייבט זיך אָן זײַן וואַנדערונג איבער פאַרשידענע שטעט. ערשט אין 1908 קערט ער זיך אום קיין וואַרשע ווו ער נעמט איבער די אָנפירונג פון דעם גוט־דיסציפּלינירטן כאָר פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע. אויף דעם דאָזיקן פּאָסטן בלײַבט ער ביז 1920. ליאָוו האָט באַאַרבעט אַלטע מוזיק און אויך געשריבן אַ סך אייגענע קאָמפּאָזיציעס, מיט וואָס ער האָט אַ סך באַרײַכערט און קינסטלעריש דערהויבן דאָס רעליגיעזע געזאַנג.



ז. שנייער

ער האָט זיך אייפעריק אָפגעגעבן מיט קולטיווירן דאָס ייִדישע פאָלקסליד און זײַנע שטימונגספולע באַאַרבעטונגען פון די פאָפולערע פאָלקסלידער באַווײַזן ווי דערפאָלגרײַך ער איז געווען אין זײַנע באַמיִונגען אויף דעם געביט. אין 1920 פאָרט ליאָוו קיין נאָרדאַמעריקע.

זײַן נאָכפאָלגער אין דער לייטונג פון „הזמיר" איז געווען דער נישט־ווייניקער באַגאַבטער זלמן שנייער, וואָס האָט אויך גרויסע פאַרדינסטן פאַרן דערגרייכטן הויכן ניוואָ פון וואַרשעווער געזאַנגסכאָר. די טראַגעדיע פון ייִדישן פאָלק האָט אויך געמאַכט אַ סוף צו זײַן פרוכטבאַרער טעטיקייט. זלמן שנייער איז געשטאָרבן פון הונגער.

זאָל נאָך צום סוף דערמאָנט ווערן דער כאָר־דיריגענט פון „התחיה", יצחק בוימלגרין (געבוירן אין יאָר 1892). ער איז געווען באַקאַנט אַלס גוטער חזן און טעאַטער־זינגער און האָט אויך געהאַט גרויסע פעיִקייטן צו קאָמפאָזיציעס.

ביזן סוף 18טן און אָנהייב 19טן י"ה איז צווישן די מזרח־ייִדישע כלי־זמרים געווען גאַנץ ווייניק אַזעלכע וואָס האָבן געקענט שפילן פון נאָטן. אַלע מעגלעכקייטן און די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער פאָלקסטימלעכער ייִדישער מוזיק האָבן זייער אורקוואַל אין ספאָנטאַנע אײַנפאַלן און אימפראָוויזאַציעס וואָס האָבן אָן שום קענטעניש פון נאָטן, בלויז געקענט ווערן אויפגעהאַלטן און איבערגעגעבן פון מוזיקער צו מוזיקער, פון משפחה צו משפחה און פון אינסטרומענט צו אינסטרומענט אַ דאַנק לאַנגע איבונגען. ערשט שפעטער און דורך אַ לאַנגזאַמען פראָצעס בירגערט זיך אײַן בײַ זיי דאָס שפילן פון נאָטן און מען הייבט בכלל אָן ערנסט צו שטודירן מוזיק. דאָס אַרײַנדרינגען פון מוזיקאַלישער בילדונג און דאָס פאַכמענישע פאַרפולקומען זיך דערין איז געוואָרן דער אויסגאַנגפונקט פון אַ נײַער עוואָלוציע בײַ די ייִדישע מוזיקערס פון מזרח־איירָאפע. ווײַטער געבראַכטע נעמען פון מוזיקערס און קאָמפאָזיטאָרן האָבן מיט זייער טעאָרעטישער צוגרייטונג און מיט זייערע מוזיקאַליש־טעכנישע קענטענישן בײַגעטראָגן אַ גרויסן צושטײַער צום געבן אַ מוזיקאַלישן תיקון דעם מזרח־ייִדישן ליד און צו דער באַרײַכערונג פון ייִדישן כאָר־רעפערטואַר.

אברהם צבי דאַווידאָוויטש איז געווען מוזיק־לערער אין דער תרבות־שול און אין רעגירונגס־סעמינאַר פאַר לערערס; ער איז אויך געווען דיריגענט אין דער נאָזשיק־שיל און האָט געשאַפן ליטורגישע מוזיק ווי אויך פאָלקסטימלעכע לידער פאַר כאָרן. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ לידער־זאַמלונג „מנגינות" און אַ לערנבוך פאַר סאָלפעדזשיאָ.

יעקב גלאַטשטיין — דער לערער פון געזאַנג אין גימנאַזיע „יהודיה", דיריגענט פון כאָר „צוקונפט" פון דער בונדישער יוגנט און פון קינדערכאָר אין דער „צישאָ"־שול. אויך שפעטער, שוין אין דער געטאָ צײַט, האָט גלאַטשטיין אָרגאַניזירט קינדערכאָרן און האָט פאַר זיי געשאַפן אייגענע לידער, אין דער מיט פון זײַן פרוכטבאַרער טעטיקייט איז ער אומגעבראַכט געוואָרן פון די דײַטשן.

ישראל גלאַטשטיין — האָט אין זײַן יוגנט געזונגען אין טעאַטער־כאָר פון לאָדזש און שוין דאַן האָט ער אָנגעהויבן שאַפן אייגענע קאָמפאָזיציעס. אין 1920 איז דערשינען זײַן ערשט לידערבוך „געזאַנג און שפיל" (טעקסט פון משה בראָדערזאָן און יצחק קאַצענעלסאָן); ער האָט אויך געשאַפן אַ ייִדישע אָפערע „פאַטימאַ". אין גיכן האָט ער זיך איבערגעצויגן קיין בערלין וווּ ער האָט געלעבט ביז 1939 און דאַן זיך אומגעקערט קיין וואַרשע.

ס'דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן יוסף גלאַטשטיין וואָס איז געווען מוזיק־קריטיקער אין דער „פאָלקס־צײַטונג".

שלמה האָפמאַן (געבוירן אין 1909 אין וואַרשע) האָט געענדיקט די מלוכישע קאָנסערוואַטאָריע, וווּ ער האָט געלערנט קאָמפאָזיציע, דיריגירן און מוזיק־פעדאַגאָגיק. פון 8 ביז 14 יאָר האָט ער געזונגען אין דער גרויסער וואַרשעווער סינאַגאָגע. ער איז געווען דער שעפער פון כאָר בײַ דער „ליגע פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ ישראל", פון כאָר און אָרקעסטער „החלוץ", ער איז אויך געווען מוזיק־דערציִער אין דער „קאָרטשאַק־אינסטיטוציע", האָט אָנגעפירט די מוזיק־אָפטיילונג אין „אַרבעטער־פאָרום" און איז געווען מוזיק־קריטיקער אין דער צײַטונג „דאָס וואָרט".

אין יאָר 1934 האָט האָפמאַן אויסגעוואַנדערט קיין ארץ ישראל וווּ ער באַטייליקט זיך ביז איצט אין מוזיק־לעבן פון לאַנד אַלס פעדאַגאָג, קאָמפאָזיטאָר און מוזיק־וויסנשאַפטלער.

ווי שוין דערמאָנט, האָבן אַ סך ייִדישע מוזיקערס זיך באַטייליקט אין דעם שאַפן און אַנטוויקלען דאָס ייִדישע טעאַטער. די דאָזיקע מוזיקערס וואָס האָבן מערסטנס אָנגעהויבן ווי משוררים אין דער סינאַגאָגע און זענען געווען טעטיק ווי כאָר־דיריגענטן, האָבן זיך באַמיט אויסצונוצן זייער פראַקטיק אויף דער בינע. זיי האָבן אַרײַנגעבראַכט פאָלקסטימלעכע געזאַנגען, דעם ייִדישן פאָלקלאָר. אָבער די בינע־מוזיק וואָס זיי האָבן געשאַפן איז געווען נאַיִוו, פרימיטיוו, אָן דראַמאַטישער אַקצענטירונג, אָן וועלכער עס איז קינסטלערישער באַאַרבעטונג. מיט איין וואָרט — אַ מוזיק אָן אייגנאַרטיקע, אָבער אַ נאַטירלעכע אָן שום קאָמפליצירטקייט. די מוזיק איז מערסטנס געווען ליריש־סענטימענטאַל, טענצלדיק און אויך סאַטיריש־קאָמיש (קופלעטן). די ייִדישע טעאַטער־מוזיק האָט אין אָנהייב זיך באַזירט אויף מאָטיוו־בילדונגען און כאַראַקטעריסטישע ווענדונגען פון תפילות, חזנות, פאָלקסמוזיק און חסידישע ניגונים. אָבער מיט דער צײַט האָט די מוזיק פון ייִדישן טעאַטער באַוויזן זיך צו באַפרײַען פון איר קאָמפליצירטער פאָלקסטימלעכקייט און דערהייבן זיך צו אַ העכערער קינסטלעריש־שעפערישער פאָרעם.

דער פיאָנער פון דער ייִדישער טעאַטער־מוזיק אין וואַרשע און אין גאַנץ פוילן איז דער באַגאַבטער קאָמפאָזיטאָר הענעך קאָן, געבוירן אין לאָדזש. ער האָט געשריבן די מוזיק צו טעאַטער־פיעסעס: „קידוש השם" (שלום אַש), „דאַנטאָנס טויט" (ביכנער), „הערשעלע אָסטראָפאָליער" (ליפשיץ), „200.000" (שלום עליכם), „שמחה פלאַכטע" (יעקב פרעגער). ער האָט אויך געשאַפן די מוזיק פאַר די פאָלקסקופלעטן, פאַר דער קליינקונסט־בינע „עזאַזל" (אין 1923) און די קאָמפאָזיציע פאַר אַן אָפערע (דוויד און בת שבע), זײַנע איז אויך די מוזיק צו גאָלדפאַדענס „קאָלדוניע". צו לעצט וועלן מיר דערמאָנען זײַן פאַרעפנטלעכטן אַרטיקל „פרץ און די מוזיק" אין די „ליטעראַרישע בלעטער" (נומער 49-50).

אַברהם גאָלדפאַדענס אָפערעטעס זענען שפעטער פון אַ סך מוזיקערס געוואָרן באַאַרבעט און געענדערט. אַזוי האָט דער וואַרשעווער מוזיקער שטיינמאַן באַאַרבעט די אָפערעטעס „שולמית", „בר כוכבא", „שלמה המלך".

מיר וועלן נאָך דערמאָנען דעם באַגאַבטן דיריגענט איוואָ וועסבי, אָבער וועגן זײַן טעטיקייט און געשאַפענע ווערק איז אונדז אוממעגלעך געווען עפעס גענויערס זיך צו דערוויסן.

חסידישע ניגונים

וואַרשע האָט גראָד נישט געגאָלטן אַלס צענטער פון חסידיזם, אָבער די חסידישע ניגונים האָבן דאָך דאָרט אָפּגעקלונגען פון די וואַרשטאַטן, יידישע הײַזער און חסידים־שטיבלעך.

איינער פון די באַקאַנטסטע פאַרפאַסער פון די דאָזיקע ניגונים איז געווען ר' יעקב תלמיד — אַ גערער חסיד וואָס האָט זײַנע מעלאָדיעס און ניגונים פאַר תפילות פאַרפאַסט אויסשליסלעך פאַרן הויף פון גערער רבי. געבוירן אין וואַרשע האָט ער נאָך אַלס קליין יינגל זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן זינגען. צו צוועלף יאָר איז ער אַרײַנגעטרעטן אין כאָר פון גערער רבי און בײַ די 30 יאָר איז ער געווען דיריגענט פון כאָר. ער שאַפט אייגענע מעלאָדיעס אין חסידישן סטיל און פאַסט צו מוזיק צו פאַרשידענע תפילות, פאַרפאַסט ספּעציעלע ניגונים פאַר יום־טובים און אַנדערע חסידישע געלעגנהייטן. דורכן יאָר פלעגט ער צושטעלן ביז 30 ניגונים וועלכע האָבן פון גערער הויף איבערגעוואַנדערט צו די חסידים־שטיבלעך פון גאַנץ פוילן. זינט 1933 לעבט ער אין תל־אביב און זעצט פאָר מיט דערפאָלג זײַנע מוזיקאַלישע פאַרפאַסונגען פאַרן גערער הויף אין ירושלים.

צוזאַמען מיט אים איז נאָך טעטיק אַן אַנדערער גוט באַקאַנטער פאַרפאַסער פון חסידישע ניגונים — קלמן יונה ערליך.

נאַציאָנאַלע מוזיק

אין יאָר 1928 האָט אַ גרופּע יידישע מוזיקערס געגרינדעט די „אגודה למוסיק יהודית". צווישן די גרינדערס האָט זיך געפונען דער ענטוזיאַסטישער און באַגאַבטער מוזיקער יצחק עדעל, אַ געבוירענער אין וואַרשע (אין 1896) איז זײַן ערשטער מוזיק־אינסטרומענט געווען די פידל. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך זײַן משפחה איבערגעצויגן קיין קיעוו, ווו ער האָט דורכגעמאַכט זײַן ערשטע ערנסטע מוזיק־שטודיום, וואָס ער האָט נאָך פאָרגעזעצט אין מאָסקווע. פון 1922 ביז 1927 האָט ער געלערנט אין דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע און איז אָנגעגאַנגען מיט זײַן עפנטלעכער מוזיקאַלישער טעטיקייט אין דער אינסטיטוציע „יאַנוש קאָרטשאַק", אין דער „תרבות־שול", אין „יהודיה־גימנאַזיע" און האָט אויך אָנגעפירט מיטן באַקאַנטן העברעישן כאָר פון „השומר הצעיר". אין 1929 האָט עדעל אויסגעוואַנדערט קיין ארץ ישראל, ווו ער איז ביז הײַנט אַן אָנגעזעענער פּעדאַגאָג, כאָרלייטער און פרוכטבאַרער קאָמפּאָזיטאָר.

צו די פאַרטיידיקער פון דער אידעע פון אַ נאַציאָנאַל־יידישער מוזיק האָט אויך געהערט דער באַדײַטנדיקער פּיאַניסט און קאָמפּאָזיטאָר יוליוס וואָלפסאָן. געבוירן אין וואַרשע אין 1880 האָט ער זײַנע קינדעריאָרן פאַרבראַכט אין מאָסקווע און דערנאָך זיך אומגעקערט קיין וואַרשע ווו ער האָט שטודירט אין קאָנסערוואַטאָריע און צו לעצט פאַרענדיקט זײַן לערנען אין פּאַריז (אין יאָר 1903). ער האָט זיך דאַן אַוועקגעלאָזט אויף קאָנצערט־רײַזעס איבער אייראָפּע און אַמעריקע און דערנאָך זיך באַזעצט אין ווין. אין פאָרטראַגן און שריפטלעך האָט ער פאַרטיידיקט דעם רענעסאַנס פון דער יידישער מוזיק. מיטן מזרח־יידישן פאָלקסליד איז ער אַלע מאָל געווען ענג פאַרבונדן און ער האָט אָנגעשריבן 12 באַאַרבעטונגען איבערן יידישן פאָלקסאַרט, איין העברעישע „סויט" פאַר פּיאַנאָ מיט אָרקעסטער, 20 כאַראַקטער־איבונגען פאַר אָנפאַנגער און „מרימס שלאָפליד" פאַר געזאַנג.

טאַלאַנטירטע מוזיקערס האָבן בײַ יידן קיין מאָל נישט געפעלט. ווען מען נעמט אין אַכט די יידישע שטרעבונג צו העכערע לײַסטונגען, די יידישע צופּאַסונג־פעיקייט און אויסערגעוויינלעכע טעכנישע געשיקטקייט בײַ פאַרשידענע מוזיק־אינסטרומענטן, איז זיך נישט צו וווּנדערן פאַר וואָס עס זענען אומעטום טעטיק אַזוי פיל יידישע אינסטרומענטיסטן און פאַר וואָס צווישן די באַרימטסטע און דערפאָלגרײַכסטע סאָליסטן, וועמענס אויפטריטן מאַכן אַ שטאַרקן רושם, איז פאַראַן אַזאַ דערשטוינענדיק גרויסער פּראָצענט יידן פון מזרח־אייראָפּע. זאָל נאָך דאָ צוגעגעבן ווערן אַז דאָס כלי־זמרטום איז געווען די וויג פון די מאָדערנע יידישע ווירטואָזן, די שפּיצן פון קינסטלערישער דערגרייכונג און לײַסטונגס־פעיקייט.

אונטער דער ווירקונג פון דער אַלגעמיינער מוזיק־אַנטוויקלונג אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט ווערט אויך די מוזיק צווישן יידן וואָס אַ מאָל מער אַ פּראָפעסיאָנעלער באַרוף. איז דעריבער נישט קיין וווּנדער וואָס אין וואַרשע איז אַנטשטאַנען אַן אייגענער יידישער מוזיק־אינסטיטוט מיט יידישע מוזיק־לערערס (פּראָפעסאָר גאָלדבערג, יוסף פישהאַוט, מאַריאַ באַר, ראָזאַ עטקין, קריסטאַל; קאַנטאָראָוויטש, אַלפרעד און ברוך גינסבורג, גריזענלער). צוזאַמען מיטן דאָזיקע אינסטיטוט האָט אויך עקסיסטירט אַ יידישער קוואַרטעט פון שטרײַך־אינסטיטוט (די באַטייליקטע: אַלפרעד גינסבורג, וויגדאָראָוויטש, אברהם קוגעל און לעאָן ווײַנער).

ערשט איצט נאָכן אָפּשלוס פון גאַנצן פּעריאָד פון זייער קינסטלערישן ווירקן און שאַפן אין וואַרשע, זעט מען וואָס פאַר אַ גרויסע צאָל יידישע מוזיקערס האָבן זיך באַטייליקט אין פּוילישן מוזיקאַלישן לעבן פון דער שטאָט. אַ גרויסע צאָל יידישע מוזיקער — פּיאַניסטן, זינגערס, פידלערס, וויאָלאָנטשעליסטן, באַסן, פּויקערס, שפּילערס אויף בלאָז־אינסטרומענטן — האָבן געשפּילט, אָנהייבנדיק פון דער מלוכה־אָפּערע ביז אין די פאַרשידענע גרעסערע און קלענערע אָרקעסטערס אין די קאַפעען.

מיר וועלן דאָ געבן אַ ברייטערן איבערבליק וועגן די יידישע מוזיקערס וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די פאַרשידענע אָרקעסטערס אין וואַרשע.

„וואַרשעווער פילהאַרמאָניע" (געגרינדעט אין 1901, די געבײַדע אויפגעשטעלט פון יידישן אַרכיטעקט אַלעקסאַנדער רײַכמאַן): וו. באַרוך, צ. בעס, ס. דאָבזשיניעץ, סימאָן ענגלענדער, קאָנצערט־מײַסטער משה פלידערבוים (געבוירן אין 1896 וואַנדערט איבער אין 1936 קיין ארץ־ישראל, איז איצט מיטגליד פון פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער אין ישראל, ער איז אויך קאָמפּאָזיטאָר); מאַקס פורמאַן, ה. פישמאַן, אַדאַם פורמאַנסקי (טראָמפּייט־שפּילער און דיריגענט), לודוויג האָלצמאַן, פידלער און דיריגענט (געבוירן אין 1889, אומגעקומען אין טרעבלינקע), איז געווען 23 יאָר מיטגליד פון דער פילהאַרמאָניע און איז אויך געווען אײַנגעלאַדן אַלס דיריגענט אין ארץ ישראל, אָבער עס איז שוין דערצו נישט געקומען; אַלי קאָבאַנסקי איינער פון די פעיִקסטע און דערפאָלגרײַכסטע וויאָלאָנטשעליסטן אין זײַן צײַט, דניאל טשערניאַווסקי, מאַקסימיליאַן האַלפּערין, יוסף לאַבושינסקי, איזידאָר לעוואַק, יוסף ראַבינאָוויטש, לעאָן ריאָז, סוראָוויטש, יעקב שולץ, ה. שפּילמאַן, ס. סאַניצקי, משה שטיגליץ, י. וואַגהאַלטער, ראָמאַן שולץ, לעאָן שולץ, סאַלאָמאָן זאַקין.

אָפּערע: דרוטמאַן, פּיטעלבערג, גאָלד, קאַגאַן, איזידאָר ליברעכט, ברוך ליפּטמאַן, לעווינגער, לעווי, פּראָפעסאָר איזידאָר לאָטע, לוסטיק, מיטמאַן, לעאָן שולץ, טאַלגרין, טילטש, לייטער פון אָפּערן־כאָר איז געווען דוויד הירשפעלד.

ראַדיאָ-אָרקעסטער: סאָליסט און קאָנצערט־מײַסטער איז אַ סך יאָרן געווען יוסף קאַמינסקי (געבוירן אין 1903 אין אָדעס). ער איז געווען דער זון פון דער באַרימטער אַקטריסע אסתר רחל קאַמינסקי און איז נאָך קינדווײַז אָנגעקומען קיין וואַרשע, ווו ער האָט שטודירט מוזיק און זיך שפּעטער פאַרפולקומט אין קאָמפּאָזיציע אין ווין און בערלין. דורך די עלטערן איז ער געווען ענג פאַרבונדן מיטן ייִדישן טעאַטער און האָט נאָך אַלס גאָר יונגער מוזיקער פאַרפאַסט די מוזיק צו גאָלדפאַדענס „דאָס צענטע געבאָט" און שפּעטער אויך געשריבן די מוזיק צו פּרצעס „בײַ נאַכט אויפן אַלטן מאַרק". אין 1937 איז ער אַוועק קיין ארץ ישראל. ער פירט דאָרט אָן אַן אויסערגעוויינלעך פּראָדוקטיווע מוזיקאַלישע טעטיקייט. אַחוץ וואָס ער איז קאָנצערט־מײַסטער און סאָליסט אין איצטיקן פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער, איז ער דער מחבר פון אַ ריי גרויסע קאָמפּאָזיציעס (אָרקעסטער־ווערק און פידל־קאָנצערטן) וואָס ווײַזן אים בולט אַלס שעפערישן מוזיק־טאַלאַנט.

די אַנדערע מיטגלידער פון ראַדיאָ־אָרקעסטער זענען געווען: זיגמונט לעדערמאַן, בערנשטיין, זשאַן גאָרנאָווסקי, דוב גינסבורג, לעאָן שולץ, ראַפאַעל האַלבער, טאַדעוש ליפּאַן.

וואַרשעווער-שטרײַכקוואַרטעט אין באַשטאַנד פון די 4 ייִדישע מוזיקערס: קאַמינסקי, לעדערמאַן, גאָרנאָווסקי און נײַטײַך, וועלכע האָט אין 1934 באַקומען דעם פּילסודסקי־פּריז.



גרעגאָר פיטעלבערג

דיריגענטן פון דער פילהאַרמאָניע: דער מוזיקאַליש־באַגאַבטער און גלענצנדיקער אָרקעסטער־דיריגענט גרעגאָר פיטעלבערג (געבוירן אין 1879) האָט געלערנט אין דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע און נאָך אין 1896 באַקומט ער דעם פּאַדערעווסקי־פּריז פאַר זײַנער אַ שאַפונג (אַ וויאָלין־סאָנאַטע). אין 1901 באַקומט ער דעם גראַף זאַמאָיסקי־פּריז פאַר אַ קלאַוויר־טריאָ. דאַן טרעט ער אַרײַן אין אָרקעסטער פון דער פילהאַרמאָניע און אַוואַנסירט דערנאָך (אין 1908) ביז דיריגענט פון דער פילהאַרמאָניע. פון צײַט צו צײַט פאָרט ער אויך קיין אויסלאַנד אויף אויפטריטן אָבער אַלע מאָל קערט ער זיך אום צו זײַן פּלאַץ אין דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע.

אַן אויסערגעוויינלעך פעיִקער דיריגענט איז געווען זדשיסלאַוו אַלעקסאַנדער בירנבוים. געבוירן אין 1880, איז ער שוין קליינערהייט באַקאַנט געווען אַלס וווּנדערקינד צוליב זײַן גלענצנדיקן פידל שפּילן. אין 1911 ווערט ער דיריגיגענט פון דער פילהאַרמאָניע און האַלט אָן, מיט איבעררײַסן, זײַן פּאָסטן ביז 1921. צוליב אַ פּלוצלינגער נערוון־אַטאַקע איז ער געווען געצוווּנגען איבערצורײַסן אַ קאָנצערט אין דער מיט. ער פאָרט דאַן קיין בעֶרלין און אין אַ צושטאַנד פון גרויס אויפרעגונג באַגייט ער זעלבסטמאָרד.

אַ באַגאַבטער דיריגענט און קאָמפּאָזיטאָר איז געווען בראָניסלאַוו שולץ (געבוירן אין 1881 און זינט 1936 אין ישראל). ער האָט געלערנט דיריגירן בײַ אַרטור ניקיש און זײַן מוזיק־שטודיום האָט ער דורכגעמאַכט בײַ הוגאָ רימאַן אין לײַפּציג. שולץ איז געווען מיטגרינדער און דיריגענט פון לאָדזשער פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער. פון 1899 ביז 1910 איז ער געווען ערשטער האָרן־בלאָזער אין דער וואַרשעווער גרויסער אָפּערע און גלײַכצײַטיק אויך סימפאָניע־דיריגענט. ער איז דער מחבר פון דער בינע־מוזיק פאַר דער ערשטער אויפפירונג פון „דיבוק" דורך דער ווילנער טרופּע; און אויך „אַ ייִדישע חתונה" געשריבן פאַר אָרקעסטער, וואָס איז אויך אויפגענומען געוואָרן אויף גראַמאָפאָן־פּלאַטן.

חוץ די שוין דערמאָנטע זענען אין די פאַרשידענע קונסט־אינסטיטוציעס געווען טעטיג די ווײַטערדיקע קינסטלערס:

זינגערס. דיאַנאַ בלומענפעלד, טוביה האָפמאַן, שלמה קורשאָס, לעאָן קאָכאָוויעטש, אָלאַ לילית, שרהלע מאַרקאָ (קאָלאָראַטור־זינגערין), אַרקאַדי פלאַטאָ, העלענאַ אָסטראָווסקי, העלענאַ ווערטהיים.

פידלערס. עדגאַר אַפּטערגוט, רישאַרד בורגין, סאָלאָמאָן פרידמאַן, הײַנריך בערגרין (1838־1889), אויך קאָמפּאָזיטאָר פון ייִדישע טעמפּל־מוזיק, טאַדעוש גאָרשינסקי, לודוויג מאָריץ הירשפעלד (1816־1876), ראָמאַן מעסינג (איבערגעוואַנדערט אין 1941 קיין ישראל) און אַ. רײַנבערג.

פּיאַניסטן. מיכאַל בערגסאָן (1820־1898), אויך אַן אָפּערעטן־קאָמפּאָזיטאָר; לעאָן באָראָווסקי (אומגעקומען בײַ דער אויסראָטונג פון אָטוואָצק), ק. געלערנטער, מאַריאַן פילאַר, שושנה פעלדזש (צו אַכט יאָר שוין אַ באַגאַבטע פּיאַניסטקע און קאָמפּאָזיטאָרין), איגנאַץ הילסבערג, באָלעסלאַוו קאָן, י. סטערלינג, רישאַרד שפּיראָ, טערעסאַ וויינבאַום, לודוויק אורשטיין. ס'בלייבן נאָך די אויסגעצייכנטע אין דעם שאָפּען־קאָנקורס אין וואַרשע, די פּריזטרעגער לעאָן אָבאָרין און אַלעקסאַנדער איגינסקי (אין 1931).

דיריגענטן און קאָמפּאָזיטאָרן. דוויד בעלסאַצקי (באַקאַנ־

טער אָפּערע־קאָמפּאָזיטאָר), דוויד בײגעלמאַן (טעאַטער־קאַפּעלמײַסטער פון לײַכטער מוזיק אין לאָדזש און וואַרשע), זדשיסלאַוו גאָרשינסקי (קאַפּעלמײַסטער פון סאַלאָן־אָרקעסטער אין פּוילישן ראַדיאָ), ארטור געלברון, פידלער און דיריגענט (געבוירן אין 1913) געשפּילט אין דער פילהאַרמאָניע און האָט אָנגעפירט מיטן געזאַנגפּאַראיין „אָרפעום" (געפינט זיך זינט 1949 אין ישראל). מיכאַל הערץ (געבוירן אין 1894), מוזיק־לערער און קאָמפּאָזיטאָר, געשריבן אָפּערעס, בינע־מוזיק, קאָמפּאָזיציעס פאַר פּיאַנאָ און כאָר; לעאָפּאָלד לעוואַנדאָווסקי (1823-1896) קאַפּעלמײַסטער פון אָפּערעס און קאָמפּאָזיטאָר פון טאַנצמוזיק, ראָמאַן ראָזענטאַל, קונסט־מאַלער און קאָמפּאָזיטאָר, העניריק טאָם, געשריבן מוזיק פאַר פּוילישע פילמען און שפּעטער אין געטאָ פאַרפאַסט מוזיק צו לידער, משה ווילענסקי (געבוירן אין 1910), קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט, שטודירט אין וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע (זינט 1932 אין ישראל). פון נאָך אַנדערע מוזיקערס זענען מיר באַקאַנט: ד"ר העניריק דאַטינער, אַלפרעד גראַדשטיין, (לעבט איצט אין וואַרשע), אַנדזשעי קלאָן, חנה לערנער, איגנאַצי ראָזענבוים, ראָסנער, לעאָפּאָלד רובינשטיין, שמעון וואַליעווסקי (1892-1950).

דוויד בײגעלמאַן

די גרויסע צאָל אָנגעגעבענע נעמען באַווײַזן דעם גרויסן אָנטייל פון יידישע מוזיקערס אין דעם אַמאָליקן מוזיקאַלישן לעבן אין וואַרשע. די באַזונדערע טאַלאַנטירטע מוזיקערס האָבן אָבער באַוויזן איבערצושפּרײַזן דעם ענגען קרײַז פון דער אייגענער שטאָט אָדער לאַנד, כדי צו באַטרעטן די קאָנצערט־בינעס פון גאָר דער וועלט.

וועלט באַרימטע קינסטלערס

ייִדישע אינסטרומענטיסטן־ווירטואָזן רופן שוין לאַנג אַרויס באַוווּנדערונג און אָנערקענונג אין דער מוזיקוועלט. פון זיי וועלן מיר בלויז אַרויסנעמען די קינסטלערס וואָס זענען פאַרבונדן מיט וואַרשע דורך זייער געבורט, שטודיום אָדער טעטיקייט.

איזידאָר לאָטאָ (געבוירן אין 1840 אין וואַרשע), אַ באַקאַנטער פידל־ווירטואָז, קערט זיך אום קיין וואַרשע נאָכן פאַרענדיקן זײַן שטודיום אין פּאַריזער קאָנסערוואַטאָריע און טרעט דערנאָך אויף מיט פאַרשידענע קאָנצערטן אין פאַרשידענע לענדער. צו לעצט ווערט ער לערער אין דער וואַרשעווער האָנסערוואַטאָריע.

פּאַול קאָכאַנסקי (געבוירן אין 1887 אין אָדעס) אַן אָנגעזעענער פידלער, איז ער נאָך אין 1901 געווען קאָנצערט־מײַסטער אין דער וואַרשעווער פילהאַרמאָניע און דערנאָך אויך לערער אין דער קאָנסערוואַטאָריע. זײַן מוזיק־טעטיקייט איז געווען אויסשליסלעך אויפן געביט פון קאָנצערטן.

אַדאַם טאַדעוש וויעניאַווסקי (געבוירן אין 1879 אין וואַרשע), אַ שוועסטערן־זון פון באַרימטן פידלער העניריק וויעניאַווסקי, האָט דורכגעמאַכט זײַן שטודיום אין וואַרשע, בערלין און פּאַריז. אין 1923 קערט ער זיך אום קיין וואַרשע, ווו ער גיט זיך אָפּ מיט מוזיק־קריטיק. זינט 1928 איז ער דירעקטאָר פון דער וואַרשעווער מוזיק־געזעלשאַפט און לערער אין דער שאָפּענישער הויכשול פאַר מוזיק.

וואַנדאַ לאַנדאָווסקאַ (איר ריכטיקער נאָמען אין לאַנדאַוער, געבוירן אין 1877 אין וואַרשע), אַן אויסגעצייכנטע פּיאַניסטקע און באַרימטע קינסטלערין וואָס האָט אויפגעלעבט די פּאָרקלאַסישע מוזיק און באַזונדערס דאָס שפּילן אויף צימבאַלן. ביז 14 יאָר האָט זי שטודירט אין דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע און דערנאָך געמאַכט רײַזעס איבער דער גאַנצער וועלט. איצט געפינט זי זיך אין אַמעריקע.

בראָניסלאַוו הובערמאַן (1882-1947) איז געווען אַ וועלטבאַרימטער פידלער־ווירטואָז. ער האָט געלערנט אין דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע און איז געווען דער שילער פון מיכאַלאָוויטשן, לאָטאָ און י. יאָאַכים. זײַנע ערשטע אויפטריטן דאַטירן נאָך פון 1893. דער אַנערקענטער קינסטלער האָט באַרײַזט די גאַנצע וועלט און ווען עס איז אַנטשטאַנען מדינת ישראל האָט ער דאָרט געשאַפן דעם „ישראלשן פילהאַרמאָנישן אָרקעסטער" מיט וואָס ער האָט זיך אַליין אויפגעשטעלט דעם בכבודסטן דענקמאָל.

אַרטור רובינשטיין (געבוירן אין 1886 אין לאָדזש), אַ מײַסטער־פּיאַניסט פון אַ בליצנדיקער ווירטואָזיטעט און סובטעלן קלאַנג מיט וואָס ער האָט דעראָבערט וועלטרום. ער האָט געלערנט אין דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע, אָבער זײַן ערשטן אויפטריט אין דער דאָזיקער שטאָט האָט ער נאָך געהאַט אַלס פינפיעריק יינגל. צו 11 יאָר גיט ער זײַן ערשטן קאָנצערט אין בערלין און פון דאַן שטײַגט ער וואָס אַ מאָל העכער אין זײַן אויסערגעוויינלעכער מוזיק־קאַריערע.

סטעפאַן פרענקעל (געבוירן אין 1902 אין וואַרשע), אַ פײַנער פידלער און קאָמפּאָזיטאָר וואָס האָט געהאַט אַלס לערער די באַקאַנטע מוזיק־קענער אַדאָלף בוש און קאַרל פלעש. ער האָט זיך קונה שם געווען אַלס קאָנצערטיסט־ווירטואָז און איצט וווינט ער אין אַמעריקע.

אַלעקסאַנדער טאַנסמאַן (געבוירן אין 1897 אין לאָדזש), שטודירט אין לאָדזש און דערנאָך אין וואַרשע, ווו ער באַקומט אין 1919 דעם גרויסן פּריז פאַר קאָמפּאָזיציע און ווערט וואָס אַ מאָל מער באַקאַנט אַלס אָנגעזעענער קאָמפּאָזיטאָר. ער לעבט אין פּאַריז שוין אַ סך יאָרן.

מוזיק-קריטיקערס

אויך צווישן די באַקאַנטע וואַרשעווער מוזיק־קריטיקערס טרעפן מיר אָן ייִדישע נעמען, ווי לעאָפּאָלד בינענטאַל (פון „קוריער וואַרשאַווסקי”), מאַקסימיליאַן צענטנערשווער („נאַש פּשעגליאָנד”), ד״ר אַלים סימאָן, וואָלקאָוויטש, מיכאַל נירענבערג („מאָמענט”), יוליוס פאָן ווערטהיים (1881־1928), געווען דיריגענט, פּיאַניסט און מוזיק־שרײַבער (אין „קוריער פּאָלסקי”), און אָפּשטאַמיקער פון ייִדישן פּיאַניסט קאַרל טאַוזיג; יוסף ראָזענצווײַג (געבוירן אין 1869), אַ שילער פון רימאַנען, קריטיקער פון „קוריער פּאָראַנני” און „שוויאַט”. פאַרעפנטלעכט די אַרבעטן: „די צוקונפט פון דער מוזיק־עסטעטיק” און „נײַע באַגריפן אין דער מוזיק”. ד״ר יוסף רײַס, מוזיקאָלאָג, פאַרעפנטלעכט די ביכער: „האַרמאָניע”, „מוזיק־פאָרמען”, „מוזיק־ענציקלאָפּעדיע”.

מוזיקער-משפחות

מיר קענען ווייניק פעלקער וואָס זאָלן אַרויסגעבן אַזוי פיל מוזיקער־משפחות, גאַנצע דינאַסטיעס פון מוזיקערס, אַזוי ווי די ייִדן. אין וואַרשע איז געווען אַ גרויסע צאָל משפחות פון מוזיקערס פון וועלכע מיר וועלן דאָ אויסרעכנען איינִיקע:

באָדענשטיין. פאָטער — סטאַניסלאַוו (פידלער), זין: הענריק (וויאָנענטשעליסט), אַדאַם (פּיאַניסט), טעכטער: זאָפיאַ (פּיאַניסטקע), ראַכעל (פּיאַניסטקע).

גינסבורג. פאָטער — פסח (1828־1941), פידלער און קאָמפּאָזיטאָר, האָט באַקומען פון דער פּוילישער מלוכה די קרייץ־אויסצייכענונג פאַר זײַנע 30 יאָר מוזיקאַלישע טעטיקייט. זײַנע זין: גרעגאָר (פידלער), ברוך (וויאָלענטשעליסט), געשפּילט אין דער פילהאַרמאָניע און אין ראַדיאָ, דוב (פּיאַניסט און פּויקער), געשפּילט אין „ראַדיאָ־אָרקעסטער”, אַלפרעד (פידלער), סאָליסט און מיטגליד פון פילהאַרמאָניע־אָרקעסטער. אין 1936 וואַנדערט אויס די גאַנצע משפחה קיין ישראל און הובערמאַן אַנגאַזשירט דעם פאָטער מיט די זין צו דעם פילהאַרמאָניע־אָרקעסטער פון ישראל.

באַקאַנט זענען די משפחות גאָלד, קומאָק (ה. קומאָק איז געווען דיריגענט פון אַ בלאָז־אָרקעסטער און אין טעאַטער); קאַגאַן: יעקב (פּיאַניסט), בערל (פידלער), פעליקס קאַגאַן־קאָכאַנסקי (דיריגענט), מיעטשיסלאַוו קאַגאַן־קאָכאַנסקי (דיריגענט פון אָפּערעס און אָפּערעטעס).

לעדערמאַן. די ברידער יעזשי (פּיאַנאָ) און זיגמונט (פידל).

מיטמאַן. פאָטער (פידלער) און צוויי זין (פּיאַניסט און טשעליסט).

מישולאָוויטש. פאָטער — וואָלאַדימיר (פידלער אין דער אָפּערע) און זײַנע זין: אַלעקסאַנדער (פידלער), וויקטאָר (פּיאַניסט).

שולץ. פאָטער — חיים הענריק (1836־1903), ערשטער פידלער אין דער גרויסער אָפּערע. זײַנע זין: יוזעף (קאָמפּאָזיטאָר), בראָניסלאַוו (פידלער), זייער זיידע פון דער מוטערס צד, לעאָן וואַלטער, איז געווען אַ באַרימטער פידלער, יוסף — אַ פעטער פון חיים הענריק — איז געווען פּיאַנאָ־לערער אין שטראַסבורגער קאָנסערוואַטאָריע; אַ ווײַטערדיקער קרוב — לעאָן שולץ — (פאַגאָטיסט) לעבט אין ישראל און זײַן זון אַ פּיאַניסט — פירט אָן אין קאַירע אַן אייגענע קאָנסערוואַטאָריע.

מוזיק אין געטאָ

אין וואַרשעווער געטאָ איז אַ לאַנגע צײַט אָנגעגאַנגען אַ לעבהאַפטע קולטורעלע און מוזיקאַלישע טעטיקייט. ס׳זענען געגעבן געוואָרן סימפאָנישע קאָנצערטן, קאַמער־מוזיק און קאָנצערטן פון סאָליסטן; ס׳זענען אויך געווען אָוונטן געווידמעט דעם ייִדישן ליד, אָבער צו דעם אַלעם האָט מען געדאַרפט באַקומען אַ דערלויבעניש פון די דײַטשן. די קאָנצערטן האָבן געקענט געבן בלויז מוזיק פון ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן. דער סימפאָנישער אָרקעסטער איז אויפגעטרעטן איין מאָל אין וואָך און האָט אַלע מאָל געהאַט אַן אַנדערן פון די פיר דיריגענטן וואָס זענען געווען אין געטאָ: אַדאַם פורמאַנסקי, פּראָפ׳ שימאָן פולמאַן, מאַריאַן נײַטײַך און יצחק האַמערמאַן.

נײַטײַך (געבוירן אין 1907 אין לאָדזש), האָט שטודירט אין וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע טשעלאָ, קאָמפּאָזיציע און דיריגירן. 10 יאָר איז ער געווען וויאָלענטשעליסט אין וואַרשעווער קאַמינסקי־קוואַרטעט. ער האָט אויך געגעבן קאָנצערטן אין אייראָפּע, געווען אין אַמעריקע און קערט זיך אום פון אַרגענטינע צוויי וואָכן פאַרן מלחמה־אויסבראָך און דער נאַצישער אינוואַזיע אויף וואַרשע. פון געטאָ איז ער אָפּגעשיקט געוואָרן אויף אומקום קיין טרעבלינקע.

אַן אויסגעצייכנטער קאַמער־אָרקעסטער פון 12 מוזיקערס האָט אין געטאָ געשאַפן פּראָפ׳ שימאָן פולמאַן (געבוירן אין 1889 אין וואַרשע). ער האָט שטודירט אין פעטערבורג און אין וואַרשע. ער באַקומט פון דער שטאָט וואַרשע אַ סטיפּענדיע און פאָרט אָפּ קיין פּאַריז אויף ווײַטערן שטודיום דערנאָך באַזעצט ער זיך אין ווין. אין אויגוסט 1939 פאָרט ער קיין וואַרשע אויף אַ באַזוך צו זײַן משפחה, אָבער ער האָט זיך שוין פון דאָרט נישט געקענט אומקערן. בײַ אַן אַקציע אין געטאָ איז ער אָפּגעשיקט געוואָרן צום טויט קיין טרעבלינקע צוזאַמען מיט דעם אויסגעצייכנטן פידלער לודוויק האָלצמאַן.

אין וואַרשעווער געטאָ האָט נאָך עקסיסטירט אַ פּאָליציי־אָרקעסטער, אָנגעפירט פון פּאַקעטן און שפּעטער פון שימאָן קאַטאַשעק, אַ געזאַנג־פאַראיין „שיר” אונטער דער לײַטונג פון פײַווישיס און זאַקס.

ישראל פײַווישיס פון לאָדזש איז נאָך דער נאַצי־אינוואַזיע אַריבער קיין וואַרשע וווּ ער האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין מוזיק־לעבן פון געטאָ. אין עלטער פון 55 יאָר איז עם אומגעבראַכט געוואָרען אין פּאָניאַטאָווע.

ס׳האָבן אויך אין געטאָ עקסיסטירט 2 פאָלקסכאָרן אָנגעפירט פון יעקב און ישראל גלאַדשטיין, 2 „רעוועלערסן־כאָרן” (יעקב און יצחק גלאַדשטיין), קינדערכאָרן אָנגעפירט פון אַ. קאַמינסקי און אַ סינאַגאָגע־כאָר אָנגעפירט פון דוויד אייזנשטאַט.

ס׳זענען אויך געווען דרײַ שטרײַכקוואַרטעטן: 1) די באַטיליקטע: יעקב מעסער, משה גירגאָרסקי, דניאל קראַקאָווסקי, זיגמונט שאָק. 2) די ברידער לעדערמאַן, נתן שניצלער, נײַטײַך. דער דריטער קוואַרטעט פון שטרײַך־אינסטרומענטן איז אָנגעפירט געוואָרן פון העלענאַ מאַרקעוויטש.

אויך אין די גאַסן פלעגן אויפטרעטן די מוזיקערס און זינגערס פון וואַרשעווער געטאָ. ס'איז אפילו געווען אַ „גאַסן־אָרקעסטער", אָנגעפירט פון אַדאַם פורמאַנסקי, ווי אויך קליינע אַרטיסטן־אַנסאַמבלען, צוזאַמענגעשטעלט פון שטראָמבערגן (אַמאָליקער סאָליסט פון דער וואַרשעווער אָפּערע).

ס'האָבן אויך געשפּילט און געזונגען אין די הייף פון געטאָ באַקאַנטע סאָליסטן, ווי די פידלערס האָלצמאַן און בערנאַרד לעווינסאָן אָדער דער אָפּערע־זינגער רויטלינגער.

מיטן אָפּשלוס פון דער נאַצישער פאַרניכטונג־אַקציע קעגן די מיטל־ און מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדן איז אויך געקומען אַ סוף צום פילפאַרביקן, קולטורעל־ווירקנדיקן ייִדישן לעבן אין וואַרשע. דאָס ייִדישע מוזיק־לעבן אין וואַרשע איז שוין פאַרשטומט. אַ גרויסע צאָל ייִדישע מוזיקערס זענען אומגעקומען. די לעבנסגעבליבענע פון דער קאַטאַסטראָפע האָבן אונטערן דרוק פון די אומשטענדן זיך באַזעצט אין אַנדערע לענדער, וווּ זיי זוכן זיך אַרייַנצופּאַסן אין די נייַע באַדינגונגען און ווייַטער ווירקן און שאַפן אויפן געביט פון מוזיק. אַ סך זענען אַוועק קיין נאָרד־אַמעריקע, אַרגענטינע, אויסטראַליע און באַזונדער קיין ישראל. איבעראַל קען מען איצט אָנטרעפן ייִדישע מוזיק־קינסטלערס פון וואַרשע. אָפט פאַרנעמען זיי שוין פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס.



... און אַז דער רבי אלימלך ...

(מאָטיוו צום פאָלקס־ליד) (אויסגעהאַקט אין מעש פון אריה מערזער)

יוסף סאַנדעל (וואַרשע)

ייִדישע פּלאַסטיקער אין וואַרשע

(אַ היסטאָרישער איבערבליק)

.1

זינט דער אָנהייב פון ייִדישער קונסט אין 18טן י״ה ביז 1914

די געשיכטע פון דער קונסט־אַנטוויקלונג בײַ די וואַרשעווער ייִדן ציילט שוין כמעט אָנדערטהאַלבן יאָרהונדערט. מיר מיינען דאָ דער עיקר די וועלטלעכע קונסט, אין וועלכער די ייִדן פון וואַרשע האָבן פאַרנומען דעם אויבנאָן צווישן אַלע ייִדישע ייִשובים אין פּוילן.

אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער ייִדישער קונסט אין וואַרשע איז די השפּעה וואָס ס'האָט אויף איר געהאַט די פּוילישע קונסט. אַ וויכטיקע ראָלע אין דער דערציִונג פון ייִדישע קינסטלערס האָבן געשפּילט אַ ריי פּוילישע פּעדאַגאָגן בראָש מיט וואָיטשעך גערסאָנען. אַ צווייטער הויפּטשטריך פון דער ייִדישער קונסט אין וואַרשע איז דער פאַקט וואָס די ייִדישע קינסטלערס בכלל האָבן געשעפּט פונעם אוצר פון דער ייִדישער פאָלקסטימלעכקייט. דערבײַ דאַרף אָבער אונטערגעשטראָכן ווערן אַז אַ טייל פון די ייִדישע פּלאַסטיקערס איז באַווירקט געוואָרן פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע.

די געשיכטע פון דער ייִדישער קונסט אין וואַרשע קען אײַנגעטיילט ווערן אין די ווײַטערדיקע 4 עפּאָכעס:

1. דער צײַטאָפּשניט ביז 1914;
2. די צווישן מלחמה־צײַט;
3. די צײַט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע;
4. די איצטיקע עפּאָכע אין דעם באַפרײַטן פאָלקספּוילן.

צו די פּיאָנערן פון דער ייִדישער קונסט אין וואַרשע געהערט אין דער ערשטער ריי דוויד פרידלענדער (סוף 18טן און אָנהייב 19טן יאָרהונדערט), וואָס איז געווען גלײַכצײַטיק מאָלער, סקולפּטאָר און אַרכיטעקט.

אויפן ייִדישן בית־עולם אין וואַרשע (בײַ דער אָקאָפּאָווע־גאַס) געפינט זיך איינע פון די עלטסטע וואַרשעווער מצבות וואָס רופט אַרויס באַוווּנדערונג צוליב אירע אויסערגעוויינלעכע אָרנאַמענטן און אויסקריצונגען, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר בילדער, משמעות פון דעם לעבן פון די דאָרט באַערדיקטע משפּחה־מיטגלידער. דאָס איז די מצבה פון בער (בערעק) שמולעוויטש, זון פון שמואל זביטקעווער און זיידע פון דעם באַרימטן פילאָסאָף אַנרי בערגסאָן. די מצבה איז פרידלענדערס אַ קונסטווערק. פון דעם איז געדרונגען אַז פרידלענדער האָט אויך געוווינט אין וואַרשע און האָט דאָרט אָנגעהאַלטן באַציִונגען מיט דער זביטקעווער משפּחה. דער קבר איז אויך אינטערעסאַנט צוליב זײַן פאָרעם און צוליב דעם אופן ווי אַזוי ס'זענען אײַנגעפּאַסט געוואָרן אין זײַנע ווענט שטיינערנע פּליטעס מיט די אויסגעקריצטע באַרעליעפן וואָס דערציילן וועגן דער עשירות פון דעם פאַרשטאָרבענעם. מ'זעט דאָרט אַ גאַנצע פאַרבויטע געגנט, מיט אַ טײַך און אַ בריק, מיט אַ ווינטמיל, אַ שאָסיי און ביימער; אויף איין שטעל זעען מיר אַפילו דעם ייִדישן בית־עולם, אַרומגערינגלט מיט אַ מויער. כאָטש בער שמולעוויטש איז געווען אַ חסיד, האָט זײַן קבר אַן עכט־וועלטלעכן אויסזען, און בלויז די ווײַסע מאַרמאָר־טאָוול מיט די העברעיִשע אויפשריפטן דערציילן וועגן זײַן פרומקייט. וועגן דעם שעפער פון דענקמאָל, דעם אויסגעצייכנטן קינסטלער פרידלענדער, ווייסן מיר כמעט גאָרנישט. מסתמא האָט אים פון אויסלאַנד אַראָפּגעבראַכט קיין וואַרשע שמואל זביטקעווערס צווייטע פרוי יהודית, אַ זייער געבילדעטע און מיט גרויסע קינסטלערישע פּרעטענציעס. יהודית האָט געשטאַמט פון פראַנקפורט בײַם אָדער.

אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה איז אין וואַרשע געווען באַקאַנט אַ ייִדישע משפּחה פון סטעמפּל־מאַכערס, גראַפּיקערס און סקולפּטאָרן, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון די דאָזיקע קונסטצווײַגן. דאָס איז געווען די פאַמיליע מינכהיימער. דער ראָש פון דער משפּחה, אברהם, איז געווען אַ גראַווירער און סטעמפּל־מאַכער. זײַן זון שמואל (1760—1844) איז געווען אַ סטעמפּל־מאַכער און אַ מעטאַל־שטעכער. שמואלס זון שלמה (1803—1879) איז געווען אַ סטעמפּל־מאַכער, אַן עכטער קינסטלער אין זײַן פאַך; דערצו איז ער אויך געווען קריצער און מעדאַל־מאַכער פון וואַרשעווער פּוילישן באַנק. פאַר זײַנע אַרבעטן איז ער אין 1854 אויסגעצייכנט געוואָרן מיט אַ מעדאַל. צווישן זײַנע קונסטווערק האָט זיך אויסגעצייכנט אַן אויסגעשניצטער פּאָרטרעט פון גראַף פעליקס לוביענסקי, יוסטיץ־מיניסטער פון וואַרשעווער פירשטנטום.

שלמה מינכהיימער האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן אויפלעבן אין פּוילן די האָלצשניט־קונסט. ער האָט געגרינדעט אין וואַר־

שע די האָלצשניט־שול וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ סך קינסטלערס. מינכהיימערס אַ שילער איז צווישן אַנדערע אויך געווען דער קינסטלער סטיפּי, דער מחבר פון בער מײַזעלס אויסגראַווירטן פּאָרטרעט.

אויפן געביט פון דער פּוילישער קונסט און ווי דער ערשטער וואַרשעווער מאָלער פון גרויסן פאַרנעם ווערט באַרימט אַלעקסאַנדער לעסער (1814—1884), באַקאַנט אויך ווי איינער פון די גרינדערס פון דער וואַרשעווער „אינסטיטוציע צו סטימולירן שיינע קונסט" (געקירצטער נאָמען „זאַכענטאַ"). לעסער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט מאָלן בילדער פון דער פּוילישער געשיכטע. וועגן אים איז פאַראַן אונדזערע אַ ספּעציעלע אַרבעט אין „פּנקס וואַרשע" (זײַטן 227—240).

צו די וואַרשעווער קען מען אויך צורעכענען איינעם פון די בעסטע אין אייראָפּע מעטאַל־שטעכערס און קריצערס הענריק רעדליך (1840—1884). הענעך רעדליך איז געבוירן געוואָרן אין דעם קליינעם שטעטל לאַסק, בײַ אַן אָרעמען ייִדישן וועבער. דער צופאַל האָט געוואָלט אַז ער זאָל אַרונטערפאַלן אונטערן צאַרישן „קאַנטאָניסטן־געזעץ", לויט וועלכן מ׳האָט געדאַרפט ייִנגלעך פון 10—12 יאָר אָפּשיקן אין קינדער־באַטאַליאָנען פאַר מיליטערישער דערציִונג, פון וואַנען מ׳האָט זיי אין עלטער פון 18 יאָר אַרײַנגענומען אין דער רעגולערער צאַרישער אַרמיי אויף אַ דינסטדויער פון 20 יאָר. פאַר הענעכס עלטערן האָט דאָס געמיינט צו פאַרלירן דעם זון אויף אייביק און דערפאַר האָבן זיי באַשלאָסן אים משליח צו זײַן קיין אויסלאַנד. הענעכלס מוטער האָט אים באַגלייט די עטלעכע קילאָמעטער ביז צו דער פּרײַסישער גרענעץ, פון וואַנען ער האָט זיך שוין אַליין אַריבערגעשמוגלט אויף דער אַנדערער זײַט. אין אַ ווינטערטאָג פון יאָר 1850 איז ער ענדלעך אָנגעקומען קיין ברעסלע. הענעכל האָט אַרומגעבלאָנקעט איבער דער פרעמדער שטאָט, וווּ ער האָט נישט געהאַט קיין קרוב אָדער פרײַנד, און אויב עס וואָלט אים נישט, אַ פאַרפרוירענעם און האַלב מיט שניי פאַרשאָטענעם, געפונען דער ברעסלער ייִד אַלבערט באַוער, וואָלט ער זיכער אומגעקומען.

באַוער האָט דאָס קינד גענומען צו זיך אַהיים און זײַן טאָכטער לינאַ — די שפּעטער באַרימטע אין גאַנץ דײַטשלאַנד געזעלשאַפטלעכע טוערין לינאַ מאָרגנשטערן — האָט פאַר אים געזאָרגט ווי פאַר אַן אייגענעם משפּחה־מיטגליד. אָבער מער ווי 4 יאָר האָט הענעכל דאָרט נישט געקענט פאַרבלײַבן, ווײַל לויטן פּרײַסישן געזעץ האָבן קינדער נאָך 14 יאָר געמוזט פאַרלאָזן פּרײַסן אויב זיי ווערן נישט אַדאָפּטירט דורך בירגערס. דאָס ייִנגל ווערט דעריבער אָפּגעשיקט קיין קאַליש צו באַוערס אַ פרײַנד, ד"ר גאָלדבערג. דאָ ווערט הענעכל דערצויגן צוזאַמען מיטן דאָקטערס קינדער און אין די פרײַע מינוטן פון לערנען גיט ער זיך פלײַסיק אָפּ צום צייכענען און מאָלן. די גאָלדבערגס, אײַנזעענדיק די פעיִקייטן פון ייִנגל, שיקן אים שפּעטער אָפּ שטודירן מאַלערײַ אין דער וואַרשעווער אַקאַדעמיע פון שיינער קונסט. רעדליך לערנט דאָרט ביז 1862, ווײַל שוין ערב דעם יאַנואַר־אויפשטאַנד (פון יאָר 1863) פאַרמאַכט די צאַרישע רעגירונג די אַקאַדעמיע.

צו יענער צײַט איז געעפנט געוואָרן אין וואַרשע די „זאַכענטאַ" וואָס האָט, ווי אַ סטימול, פאַררופן צו אַ קאָנקורס סטודענטן וואָס ווילן זיך פאַרפולקומען אין אויסלאַנד אַלס קריצערס און מעטאַל־שטעכערס. רעדליך שטעלט זיך צו צום קאָנקורס און געווינט אים. ער באַקומט אַ סטיפּענדיע און פאָרט אָפּ קיין דרעזדן און דערנאָך קיין מינכן. ער מאַכט גרויס פאָרשריט אין דער גראַווירקונסט און אין גיכן קריצט ער אויס זײַנע אייגענע ווערק, ווי אויך די ווערק פון די באַרימטע פּוילישע מאָלערס: יוזעף בראַנט, יוליוש קאָסאַק און מאַקסימיליאַן גערימסקי. רעדליך קריצט אויך אויס בילדער פאַר דער קראָקעווער געזעלשאַפט פון שיינער קונסט און פאַר דער וואַרשעווער „זאַכענטאַ", פאַר וועלכער ער האָט געמאַכט אַ גראַווירונג לויט וואָיטשעך גערסאָנס בילד „קאָפּערניק גיט אין רוים אַ לעקציע פון אַסטראָנאָמיע".

אין יאָר 1870 קערט זיך רעדליך אום קיין וואַרשע, וווּ ער האָט חתונה מיט דער טאָכטער פון באַקאַנטן פּוילישן פּאַטריאָט און דירעקטאָר פון דער פּראָגרעסיווער וואַרשעווער ראַבינער־שול, י. טוגענהאָלד. רעדליכס וויכטיקסטע שאַפונגען פון דער קריצער־קונסט זענען געווען די אַרבעטן וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן לויט די ווערק פון יאַן מאַטעיקאָ (1833—1893) — דעם גרעסטן פּוילישן מאָלער פון היסטאָרישע בילדער. דאָס זענען די ווערק: „סקאַרגאַס פּריידיק" (דרשה), „די לובלינער אוניע" און „סטאַנטשיק" (וואָס איז אָבער נישט פאַרענדיקט געוואָרן צוליבן קינסטלערס קראַנק ווערן). פאַר די ערשטע צוויי ווערק האָט ער באַקומען די העכסטע אויסצייכענונגען אויף דער פּאַריזער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג אין 1878, און אויך די פּעטערבורגער אַקאַדעמיע האָט אים באַערט מיטן טיטל פּראָפעסאָר.

נישט קוקנדיק אויף זײַנע גרויסע דערפאָלגן, האָט רעדליך נישט פאַרדינט גענוג אין וואַרשע כדי צו קענען אויסהאַלטן זײַן פרוי און די 4 קינדער. ער האָט געפּלאַנט צו עפענען אין וואַרשע אַ קריצערשול און אַזעלכע גרויסע שרײַבערס ווי איגנאַצי קראַשעווסקי און באָלעסלאַוו פּרוס האָבן זיך אײַנגעשטעלט פאַר אים, ער זאָל נישט דאַרפן ווידער עמיגרירן קיין אויסלאַנד. אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן און ער איז געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. ער פאָרט אָפּ קיין פּאַריז, וווּ צווישן אַנדערע אַרבעטן קריצט ער אויך אויס טורגעניעווס פּאָרטרעט. רעדליך ברענגט אויך אַראָפּ זײַן משפּחה קיין פּאַריז, אָבער אין גיכן באַקומט ער אַ שווערע מוח־קראַנקהייט פון צופיל אָנשטרענגונג. ער שיקט דאַן אָפּ זײַן פאַמיליע צו דער טאָכטער פון זײַנע געוועזענע אַפּוטרופּסים, דער פרוי לינאַ מאָרגענשטערן אין בערלין. זײַן צושטאַנד ווערט אָבער וואָס אַ מאָל ערגער און ער שטאַרבט אין אַ בערלינער סאַנאַטאָריע דעם 7טן נאָוועמבער 1884.

רעדליך האָט אויך געקריצט בילדער אויף ייִדישע טעמעס, ווי דאָס באַקאַנטע בילד „ייִדן באַקוקן גראַווירונגען אין דער ביבליאָטעק".

כדי זיך צו באַקענען מיט די הערשנדיקע באַדינגונגען אין דעמאָלטיקן פּוילן וועט זײַן גענוג צו לייענען אייניקע שורות פון אַ נעקראָלאָג וועגן רעדליכן וואָס ס׳האָט אין „קוריער וואַרשאַווסקי" פאַרעפנטלעכט דער באַרימטער שרײַבער באָלעסלאַוו פּרוס: „אויב די קעניגן פון אונדזער קונסט וואָלטן, אַנשטאָט זיך צו ברעכן די קעפּ אויף אַ דילעטאַנטישן אופן וועגן דער גאַנצער ייִדן־פּראַגע, בעסער אַ טראַכט געטאָן וועגן דעם איינעם ייִד וואָס האָט קאָפּירט זייערע ווערק, וואָלט זיך אפשר אין וועלכער נישט איז מאָלערײַ־שול געפונען אַ ווינקל פאַר גראַווירונגען אונטער דער אָנפירונג פון רעדליכן. אפשר וואָלטן מיר דאַן אַנשטאָט דײַטשע איילדרוקן געהאַט אייגענע קופּערקריצונגען פון גראָטקערס צייכענונגען, פון די בילדער פון מאַטעיקאָ, שעמיגראַדזקין און אַנדערע. אפשר וואָלט אַפילו זיך פונאַנדערגעבליט בײַ אונדז אַ נײַע אינדוסטריע־צווײַג".

צו דעם זעלבן פעריאָד געהערט דער מאָלער און אויפשטענדלער פון 1863 אַלעקסאַנדער סאָכאַטשעווסקי, וועמענס ייִדישער נאָמען איז געווען לייב סענדער (1843—1923). זײַן פאָטער, אַן אָרעמער שמש אין שטעטל אילאָוו, האָט געוואָלט פון זון מאַכן אַ „לײַט" און אים אָפגעשיקט קיין וואַרשע אין דער ראַבינער־שול. נאָך אַ האַלב יאָר לערנען פאַרלאָזט ער דעם סעמינאַר און טרעט אַרײַן אין דער העכערער שול פאַר פלאַסטישער קונסט. ער גיט זיך אָפ מיט ענטוזיאַזם דער קונסט, אָבער גיך ווערט ער אַרײַנגעצויגן אין קרײַזן פון דער פוילישער יוגנט וואָס קעמפט קאָנספיראַטיוו פאַר פוילנס פרײַהייט, און פון דאַן אָן פירט ער אַ ברייטע פאַטריאָטישע אַגיטאַציע צווישן די סטודענטן פון זײַן שול. קורץ נאָך דעם ווערט ער מיטרעדאַקטאָר פון דער ערשטער אומלעגאַלער צײַטונג פון קליינעם פאָרמאַט „סטראַזשניצאַ", וועלכע ער אַליין פאַרשפרייט, אַזוי גוט אין וואַרשע ווי אין דער פראָווינץ. סאָכאַטשעווסקי, ווי אַן אָנהענגער פון אויפשטאַנד, האָט געהערט צו דער ראַדיקאַלער „רויטער" גרופירונג וואָס האָט פאַרטיידיקט די רעכט פון די פויערים. אין זײַן וווינונג זענען פאָרגעקומען געהיימע פאַרזאַמלונגען און ער האָט אויך בײַ זיך אויסבאַהאַלטן אומלעגאַלן דרוק־מאַטעריאַל. סאָכאַטשעווסקי אַליין האָט זיך קיין מאָל נישט אויסבאַהאַלטן און אויף דעמאָנסטראַציעס האָט מען אים תמיד געזען אין די ערשטע רייען. אין אַ נאַכט פון אויגוסט 1862 איז די פאָליציי איבערגעפאַלן זײַן וווינונג און בעת דער רעוויזיע האָט זי געפונען אומלעגאַלע דרוקזאַכן. כדי נישט צו ווערן אַרעסטירט, האָט סאָכאַטשעווסקי אומגעוואָרפן צוויי פאָליציאַנטן, וואָס האָבן אים געהיט, און איז אַנטלאָפן. ער איז אַריבערגעשפרונגען אַ פלויט פון אַ שכנותדיקן גאָרטן און באַלד פאַרשוווּנדן. ווען איין פאָליציאַנט האָט אים שפעטער אויסגעפונען, האָט ער אויף אים געשאָסן און געצוווּנגען צו אַנטלויפן. סוף־כל־סוף איז סאָכאַטשעווסקי געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשפאַרט אין דער ציטאַדעל. דאָרט ווערט ער אונטערגעוואָרפן ברוטאַלע פײַניקונגען, אָבער ער גיט קיינעם נישט אויס. דעם 24טן אַפריל 1863 ווערט ער פאַרמשפט צום טויט דורך הענגען. אויפן אַנדערן טאָג האָט געזאָלט פאָרקומען די עקזעקוציע פון סאָכאַטשעווסקין און נאָך צוויי פון זײַנע חברים. אין לעצטן מאָמענט, ווען די צוויי חברים האָבן שוין געהאָנגען אויף דער תליה און די ריי איז געקומען אויף סאָכאַטשעווסקין, האָט מען געמאָלדן אַז זיי ווערן באַגנעדיקט און דער אורטייל ווערט פאַרביטן אויף 20 יאָר קאַטאָרגע. סאָכאַטשעווסקי ווערט פאַרשיקט קיין סיביר און קערט זיך פון דאָרט אום אַהיים ערשט נאָך 21 יאָר. די שרעקלעכע פײַן וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אויף קאַטאָרגע האָט ער באַשלאָסן צו פאַראייביקן אין זײַנע שפעטערדיקע ווערק. כדי אָנצוגיין מיט זײַן איבערגעריסענעם שטודיום פאָרט ער קיין מינכן, וווּ ער טרעט אַרײַן אין די קרײַזן פון די פוילישע פלאַסטיקערס. געוואָר ווערנדיק אַז דער נאָך דאַן יונגער מאָלער שמואל הירשענבערג געפינט זיך שווער קראַנק אין אַ מינכענער שפיטאָל, באַזוכט ער אים און באַמיט זיך אים צו העלפן.

אין לעמבערג וווינט דאַן סאָכאַטשעווסקיס אַ פריינד, ד"ר בערנאַרד גאָלדמאַן, מיט וועלכן ער איז צוזאַמען געווען פאַרשיקט אין סיביר, באַשליסט ער אים צו באַזוכן. בײַם דאָקטער אין הויז באַקענט ער זיך מיט ראָזע לעווענשטיין — זײַן שפעטערדיקע פרוי, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט דעם 23טן נאָוועמבער 1884. אָבער שוין נאָך עטלעכע וואָכן פאַרלאָזט אים די פרוי. די סיבה דערפון איז וואָס סאָכאַטשעווסקי האָט געליטן פון אַ פאַרפאָלגונגסמאַניע צוליב זײַנע קאָשמאַרע איבערלעבונגען אין סיביר, פון וועלכער ער האָט זיך ביזן טויט נישט געקענט באַפרײַען. אָפט איז ער אויפגעקומען אין מיטן נאַכט מיט אַ געשרײַ, געכאַפט זיך פאַרן געווער און אין שרעק אַרומגעלאָפן איבער אַלע צימערן. די פרוי האָט דאָס נישט געקענט איבערטראָגן און סאָכאַטשעווסקי, בלײַבנדיק איינער אַליין, ווידמעט זיך איצט בלויז דער קונסט. די קאָשמאַרע דערינערונגען פון די סיבירער איבערלעבונגען ברענגט ער אַרויס אין בילדער, פון וועלכע דאָס סאַמע אײַנדרוקספולע איז „דאָס געזעגענען זיך מיט אייראָפע". די דאָזיקע קאָמפאָזיציע שטעלט פאָר דעם לעצטן אָפשטעלפלאַץ פון די פאַרשיקטע אויף אייראָפעיִשן באָדן. פאַר אַ גרענעצסלופ, ווו עס ענדיקט זיך אייראָפע און עס הייבט זיך אָן אַזיע, זעען מיר אַ גרופע אַרעסטאַנטן פון וועלכע אייניקע קניִען אויפן שניי צופוסנס פון גרענעצסלופ; אַנדערע שפאַרן אין אים אָן זייערע מידע קעפ. פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס קוקן זיך צו נײַגעריק צום גרענעץ־צייכן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זיך אים אײַנקריצן אין זכרון; צווישן די אָבסערווירערס געפינט זיך אויך די געשטאַלט פון מחבר גופא און פון אייניקע זײַנע חברים וואָס האָבן מיט אים געטיילט דעם גורל. הינטער דער גרופע זעט מען אַ לאַנגע ריי פון די פאַרשיקטע: מענער, פרויען און קינדער, וואָס ווערן באַוואַכט פון רײַטנדיקע קאָזאַקן.

און אָט איז אַ צווייט בילד פון קינסטלערס אַ גאַנצער סעריע, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „די געשיכטע פון די אַנטלאָפענע". דאָס בילד שטעלט פאָר אַ פאַרשנייטן מדבר בעת אַ זאַווערוכע. מען זעט אַ מאַן וואָס קעמפט מיטן צעבושעוועטן שטורעמווינט. ער טוליעט צו זײַן ברוסט אַ קליין קינד. הינטער אים ליגט אַ טויטע פרוי שוין האַלב פאַרשיט מיט שניי. פון דעם מאַנס ברייט־צעעפנטע אויגן שרײַט אַרויס די שרעק פאַרן אומפאַרמײַדלעכן טויט.

אויף אַזעלכע שוידערלעכע טעמעס האָט סאָכאַטשעווסקי געשאַפן הונדערט און עטלעכע צוואַנציק בילדער פון גרעסערן און קלענערן פאָרמאַט. און כאָטש די אויסשטעלונגען פון זײַנע בילדער אין אַ סך שטעט — אין בריסל, ווין, בודאַפעסט, מינכן, לעמבערג — האָבן גרויס דערפאָלג, האָט אָבער דער קינסטלער שווערע מאַטעריעלע זאָרגן און ער לעבט אין נויט. דאָס דערקלערט זיך דערמיט וואָס דער קינסטלער וויל זיך נישט צעשיידן מיט זײַנע בילדער וואָס זענען פאַר אים ווי אַ המשך פון זײַן פריִערדיקן לעבן, פון וועלכן ער קען זיך נישט אָפרײַסן. ס'דערגייט אַפילו צו דעם אַז אין ווין לייגט מען אַרויף אַן אַרעסט אויף זײַנע בילדער פאַר נישט צאָלן דירה־געלט. די פוילישע בורזשואַזיע, וואָס ווייסט פון קינסטלערס נויט, שטיצט אים בלויז מיט גוטע עצות.

ווען אין יאָר 1913 זענען אין לעמבערג אויסגעשטעלט געוואָרן סאָכאַטשעווסקיס בילדער, האָט דער דאָרטיקער שטאָטראַט פאָרגעשלאָגן דעם קינסטלער, ער זאָל פאַרקויפן דער שטאָט די ווערק אויף סיבירישע טעמעס. סאָכאַטשעווסקי האָט אָפגעזאָגט, און דאַן האָט דער שטאָטראַט באַשלאָסן אויסצוצאָלן אים אַ יערלעכע פענסיע פון 4800 זלאָטעס מיטן תנאי אַז אַלע זײַנע סיבירער בילדער זאָלן איבערגיין נאָכן טויט צו דער לעמבערגער שטאָטישער קונסט־גאַלעריע. דערויף איז סאָכאַטשעווסקי יאָ אײַנגעגאַנגען, אָבער דאָס האָט ווינציק וואָס פאַרבעסערט זײַן לאַגע. באַלד איז אויסגעבראָכן די מלחמה און פאַר די דעוואַלויִרטע זלאָטעס איז דעם קינסטלער שווער געווען דורכצוקומען. אַזוי איז סאָכאַטשעווסקי געשטאָרבן אין נויט אין יאָר 1923, אין ווין, און די לעמבערגער קונסט־גאַלעריע איז געוואָרן די יורשטע פון זײַנע בילדער.

צו דער גרופע עלטסטע פויליש־ייִדישע מאָלערס געהערן די ברידער יוסף און שמעון בוכבינדער. שמעון איז שטאַרק באַרימט געוואָרן צוליב זײַנע קליינע, מיזאַם אויסציזעלירטע בילדלעך. ער

איז געבוירן געוואָרן אין ראַדזין, אין יאָר 1850. זײַן פאָטער, אַן אײַנבינדער, האָט אויך געהאַט קינסטלערישע פעיִקייטן. שמעון האָט צו ערשט שטודירט אין וואַרשע אונטער דער פעדאַגאָגישער אָנפירונג פון וואָיטשעך גערסאָן און ראַפאַל האַדזשעוויטש, און דערנאָך אין דער ווינער אַקאַדעמיע. אַ געוויסע צײַט איז שמעון בוכבינדער געווען דעקאָראַטאָר פון דער ווינער אָפּערע. נאָך זײַן אומקערן זיך קיין וואַרשע איז ער געוואָרן דער קינסטלערישער אָנפירער פון דעם „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני". זײַן מאָלערײַ איז געווען אין סטיל פון די האָלענדישע מײַסטערס („די קליינמײַסטערס") און די טעמעס זענען געווען פאַרשידן. אויף אַ היסטאָרישער טעמע איז געווען „זיגמונט דער דריטער און זײַן גאָלדשמידערײַ". אַ צווייט בילד ווײַזט דעם רעבן־מײַסטער, ווי ער ציילט גאָלדשטיקלעך (דאָס בילד איז דאָס אייגנטום פון יִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט). פאַראַן אויך אַ סך בילדער אויף יִדישע טעמעס ווי „דער יִדישער הענדלער", „דער ייִד וואָס דאַוונט" און אַנדערע. אין דער וואַרשעווער „זאַכענטאַ" געפינען זיך די ווײַטערדיקע בילדער פון שמעון בוכבינדער: „דער אָקס און די קו", „דער קאָפּ פון אַ גלח" און דער „פּאָרטרעט פון מאַלינאָווסקין". דער קינסטלער איז דערנאָך אָפּגעפאָרן קיין דײַטשלאַנד, האָט זיך לכתחילה באַזעצט אין בערלין און שפעטער אין מינכן.

כאָטש שמעון בוכבינדערס בילדער זענען געווען פון קליינעם פאָרמאַט, האָט ער אָבער אין זיי אַרײַנגעלייגט אַ סך מי און אַרבעט און ס'האָט געטראָפן אַז אַ קליין בילדל האָט בײַ אים געדויערט צוויי יאָר. זײַנע בילדער זענען געווען הויך געשאַצט און מ'האָט זיי מערסטנס אָפּגעקויפט פאַר באַרימטע קונסט־גאַלעריעס. אין מוזיי וואָס געפינט זיך אין מאַטעיקאָס הויז אין קראָקע, איז פאַראַן אַ פאַרבברעט מיט אויסגעמאָלטע אויטאָפּאָרטרעטן פון פינף מאַטעיקאָס תלמידים, צווישן זיי אויך פון שמעון בוכבינדער.

יוסף בוכבינדער איז געבוירן געוואָרן אין מאָרדי, אין יאָר 1839. ער איז געווען אַ פרײַנד פון הענריק רעדליך, מיט וועלכן ער איז אין 1862 צוזאַמען אָפּגעפאָרן קיין דרעזדן. יוסף בוכבינדער איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער השפעה פון מאַנערירטן פסעוודאָ־קלאַסיציזם פון די „נאַזאַרענער" און האָט געמאָלט בלויז רעליגיעזע בילדער. יוסף בוכבינדער, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גוטע טעכניק און זיך אָפּגעגעבן בלויז דער קירכלעכער מאָלערײַ, האָט איבערגענומען די קינסטלערישע אָנפירונג מיטן „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני", נאָך זײַן ברודערס אָפּפאָרן קיין דײַטשלאַנד. ער האָט פאַרן זשורנאַל געצייכנט אַ סך פּאָרטרעטן פון באַקאַנטע פערזענלעכקייטן פון זײַן צײַט.

מאַקסימיליאַן פאַיאַנס איז געבוירן געוואָרן דעם 5טן מײַ 1827, אין שעראַץ. און געשטאָרבן דעם 26טן יולי 1890 אין וואַרשע. ער איז געווען אַ תלמיד פון דער שול פון שיינער קונסט אין וואַרשע, וווּ ער האָט ביז 1848 שטודירט בײַ די פּראָפעסאָרן אַלעקסאַנדער קאָקולאַר, כאַדזשיעוויטש און פיוואַרסקי. אין 1849 איז פאַיאַנס אָפּגעפאָרן אויף ווײַטערדיקן שטודיום קיין פאַריז, וווּ ער איז געוואָרן דער תלמיד פונעם באַרימטן פראַנצויזישן קינסטלער אַרי שעפיר, — מחבר פון באַקאַנטן פּאָרטרעט פון אַדאַם מיצקעוויטש. די ליטאָגראַפישע קונסט האָט ער זיך געלערנט בײַ עמיל לאַסאַל.

אין 1853 קערט זיך פאַיאַנס אום קיין וואַרשע, וווּ ער עפנט דעם ערשטן כראָמאָ־ליטאָגראַפישן אַנשטאַלט אין פוילן. ער האָט ליטאָגראַפירט און געצייכנט פּאָרטרעטן פון די באַרימטסטע פערזענלעכקייטן פון זײַן צײַט: שרײַבערס, מוזיקערס און וויסנשאַפטלערס. ער האָט געמאַכט אַ סך ליטאָגראַפיעס און אָריגינעלע צייכענונגען צום באַקאַנטן ווערק פון ראָסטאַוויעצקי און פזשעזשדזשעצקי, אונטערן נאָמען „בײַשפילן פון דער מיטל־עלטערלעכער קונסט". אין די יאָרן 1866—1857 האָט פאַיאַנס אַרויסגעגעבן כראָמאָ־ליטאָגראַפישע קאַלענדאַרן, ווי אויך דעם ליטאָגראַפישן אַלבום „די ווײַסל". ער האָט אויך געמאַכט די פּאָרטרעטן פון פרעזידענט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, ווענזשיק, פון קאָמפּאָזיטאָר אייזנער (שאָפּענס לערער), פון פּאָעט אָדיניעץ און דעם אַרצבישאָף פיאַלקאָווסקי. דער מוזיי אויפן נאָמען פון מאַטיאַס בערסאָן אין וואַרשע האָט געהאַט אַ ליטאָגראַפיע פונעם פּאָרטרעט פון קינסטלער אַלעקסאַנדער לעסער, אויסגעפירט לויט דער צייכענונג פון פאַיאַנסן.

מאַקסימיליאַן פאַיאַנס איז געווען אַ פאַרגעשריטענער קינסטלער און האָט אַ סך בײַגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון דער רעפּראָדוציר־קונסט. ס'זענען אין דער ערשטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט געווען אין וואַרשע נאָך אַ סך אַנדערע יִדישע מאָלערס סקולפּטאָרן און אַרכיטעקטן, וועמענס נעמען זענען ווינציק דערגאַנגען צו דער עפנטלעכקייט. אַזוי איז מען אין 1828 געוואָר געוואָרן פון דער עקסיסטענץ פון ראַפאַל אײַזנבוים — מסתמא אַ ברודער פון אַנטאָני אײַזנבוים — דירעקטאָר פון דער ערשטער ראַבינער־שול אין קעניגרײַך פוילן, באַקאַנט אויך ווי אַ פּראָגרעסיווער כלל־טוער. ראַפאַל אײַזנבוים האָט אין יענעם יאָר זיך פּרעזענטירט אויף דער וואַרשעווער קונסט־אויסשטעלונג מיט פיר צייכענונגען פון אַ פּראָיעקט פאַר אַ צאָלקאַמער. אײַזנבוים האָט שטודירט אין דער פאַריזער קאָנסערוואַטאָריע.

אין דער זעלבער אויסשטעלונג און אויך אויף די שפעטערדיקע וואַרשעווער אויסשטעלונגען טרעפן מיר די נעמען פון אַ ריי וואַרשעווער יִדישע פּלאַסטיקערס, ווי: לודוויק בערגסאָן, איגנאַצי געפּנער, לודוויק גראָסמאַן, גלאַסער און אַנדערע. פון זיי האָט לודוויק בערגסאָן אויסגעשטעלט זײַנע אייגענע צייכענונגען, אָבער דאָס רוב קאָפּיעס לויט אַלטע מײַסטערס.

פון די פּאָרטרעטיסטן פון יענער צײַט איז באַזונדער געווען געשעצט סטאַניסלאַוו היימאַן. געבוירן אין וואַרשע אין יאָר 1843, האָט ער דאָ געענדיקט די רעאַלשול און דערנאָך אַרײַנגעטראָטן אין דער וואַרשעווער הויכשול פון שיינער קונסט. דאָס איז אויסגעפאַלן שוין אין די לעצטע יאָרן פון דער עקסיסטענץ פון דער הויכשול, פאַרן אויסבראָך פון יאַנואַר־אויפשטאַנד. אין יאָר 1864 איז היימאַן צוזאַמען מיט הענריק רעדליך און יוזעף בוכבינדער אָפּגעפאָרן אויף ווײַטערדיקן שטודיום קיין דרעזדן און פון דאָרט קיין מינכן. אין 1867 האָט היימאַן זיך אומגעקערט קיין וואַרשע וווּ ער האָט געאַרבעט אין אַטעליע פון גרויסן פּאָרטרעטן־מײַסטער לעאָפּאָלד האָראָוויץ, וועלכער האָט אין יענער צײַט זיך באַזעצט אין וואַרשע און געמאָלן טײַער־באַצאָלטע פּאָרטרעטן פון דער פוילישער אַריסטאָקראַטיע. אין 1873 פאָרט היימאַן ווידער קיין מינכן, וווּ ער מאָלט אַ גאַנץ יאָר בילדער פון שטייגערישן כאַראַקטער. נאָכן אומקערן זיך קיין וואַרשע גיט ער זיך אָפּ דער עיקר מיט פּאָרטרעטן־מאָלערײַ, אָבער ער שאַפט אויך בילדער אויף יִדישע טעמעס. פון זיי איז צום שטאַרקסטן באַקאַנט זײַן „יִדישער הענדלער בעת אַ שניי־זאַווערוכע". ער האָט זײַנע בילדער אָפט אויסגעשטעלט אין דער וואַרשעווער „זאַכענטאַ", וועגן וואָס ס'ווערט דערמאָנט אין אַלטע יאָרביכער פון „קלאָסי" און „טיגאָדניק אילוסטראָוואַני". ס'האָבן וועגן אים געשריבן אָפּהאַנדלונגען וואָיטשעך גערסאָן, אַלעקסאַנדער לעסער, הענריק סטרוווע א"א. היימאַן האָט אויך געהאַט בילדער־אויסשטעלונגען אין אויסלאַנד. געשטאָרבן איז ער אין וואַרשע אין

יאָר 1919. אויף דער אויסשטעלונג פון דער וואַרשעווער גמינע אין זומער 1921 האָט זיך געפונען היימאַנס "ציגײַנערין". וואָס שייך דער „זאַכענטאַ", זענען דאָרט געווען אויסגעשטעלט היימאַנס „שטודיע פון אַ מאַן" און „אויטאָפּאָרטרעט" — אַ מתנה פון זײַן זון.

צו די עלטסטע וואַרשעווער ייִדישע קינסטלערס געהערן אויך מאַוריצי טרעמבאַטש (זען די אַרבעט אין פנקס אויף די זײַטן 345—356) און אַדאָלף עדוואַרד הערשטיין (1869—1932).

הערשטיין האָט אָנגעהויבן זײַן שטודיום בײַ וואָיטשעך גערסאָן. אין 1903 שטעלט הערשטיין אויס זײַנע אַרבעטן אין וואַרשע, און די צײַטשריפט „ווענדראָוויעץ" שרײַבט דאַן: „ס'איז צו באַוווּנדערן אויף דער אויסשטעלונג הערשטיינס אייל־מאָזאַיקעס".

אין 1905 מוז הערשטיין פאַרלאָזן וואַרשע, ווײַל די רוסישע מאַכט האָט אים באַצייכנט ווי אַ געפערלעכן רעוואָלוציאָנער צוליב די אָפטע פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען וואָס זענען פאָרגעקומען בײַ אים אין הויז. דער קינסטלער פאָרט אָפּ קיין מינכן און דערנאָך קיין בערלין. דאָרט שטעלט מען אים פאָר דעם באַרימטן מאָלער מאַקס ליבערמאַן, וועלכער באַקענט זיך מיט הערשטיינס ווערק און אַ צופרידענער פאַרבעט ער אים צו באַטייליקן זיך אין די אויסשטעלונגען פון דער אַזוי גערופענער „סעצעסיע־גרופּע". די אויסשטעלערס פון דער „סעצעסיע" זענען דעמאָלט געווען אַן אמתער אַוואַנגאַרד — נעמענדיק אין אַכט אַז דער מיליטערישער גײַסט און די שטײַפע פּרײַסישע דיסציפּלין האָבן דורכגעדרונגען אַפילו דאָס געביט פון קונסט. דער רעפּרעזענטאַנט פון דעם מיליטאַריסטישן אויסדרוק אין דער דײַטשער קונסט איז געווען דער פאַוואָריט פון קייסער ווילהעלם דעם צווייטן, דער מאָלער אַנטאָן ווערנער. די „סעצעסיע", צו וועלכן ס'האָט געהערט הערשטיין, ,האָט שאַרף באַקעמפט די רעאַקציאָנערע מאָלערײַ וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום שײַכות מיט אמתער קונסט. הערשטיינס מאָלערײַ האָט אַ סך פּאָזיטיווע שטריכן: פרישקייט, וואַרעמקייט און דער עיקר אַן עפּישע טענדענץ. אין קעגנזאַץ צו די אימפּרעסיאָניסטן פון דער זעלבער גרופּע, וואָס האָבן אויפגענומען די דערשײַנונגען לויט זייערע אײַנדרוקן, האָט הערשטיין געמאָלט די נאַטור גאַנץ רעאַליסטיש. זײַנע בילדער האָט ער אויסגעשטעלט אין בערלין, אין סאַלאָן פון דעם דעמאָלט זייער פּראָגרעסיוון פּאַול קאַסירער. אין די קאַטאַלאָגן פון די „סעצעסיע"־אויסשטעלונגען פיגורירט הערשטיין סײַ אין די קאָלעקטיווע אויסשטעלונגען, סײַ באַזונדער. אין 1911 זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן זײַנע בילדער אין דער דײַטש־ייִדישער צײַטשריפט „אָסט־וועסט". איינע פון זײַנע אַרבעטן שטעלט פאָר אַ פאַרביקע לאַנדשאַפט פון מענטשן און חיות. אויך אין דער צײַטשריפט „פּראַצאַ", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין פּויזן אין די יאָרן 1899—1913, זענען דערשינען רעפּראָדוקציעס פון הערשטיינס בילדער, צווישן זיי מענער־פּאָרטרעטן, לאַנדשאַפטן פון דעם אינדזל רוגיע, סטאַדעס שאָף א"א.

אין די אַלע יאָרן וואָס הערשטיין איז געווען אין אויסלאַנד האָט ער זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט די געשעענישן אין פּוילן, וווּ ער פלעגט אויך אָפט אויסשטעלן זײַנע בילדער. אין 1926 האָט ער געהאַט אויף דער אויסשטעלונג פון דער וואַרשעווער „זאַכענטאַ" אַ באַזונדערן זאַל. אין „זאַכענטאַ" האָבן דעמאָלט אויך אויסגעשטעלט זייערע אַרבעטן די באַרימטע מאַלערין זאָפיאַ סטריִענסקאַ, וולאַדיסלאַוו שלעווינסקי און נאָוואַקאָווסקי, וואָס איז אויך געווען אַרכיטעקט. אין דײַטשלאַנד זענען הויך געשאַצט געוואָרן הערשטיינס ווערק נישט בלויז דורך מאַקס ליבערמאַנען, נאָר אויך דורך די גרויסע מאָלערס קאָרינט און סלעפאָגט. אין 1915 האָט קאָרינט געמאָלט הערשטיינען אויף איין בילד מיטן קינסטלער פּאָרטנער.

אַחוץ גרויסער מאָלער איז הערשטיין אויך געווען אַ גלענצנדיקער צייכענער און קריצער אין שײַכות מיט זײַן טויט (1932) האָט די פּוילישע אויסגאַבע „שטוקי פּיענקנע" (שיינע קונסט) געשריבן אָט וואָס: „דער פאַרשטאָרבענער האָט גענומען אַ טיכטיקן אָנטייל אין לעבן פון דער פּוילישער קאָלאָניע אין בערלין און איז אויך געווען אַן ערן־מיטגליד פון דער „געזעלשאַפט פון פּוילישער שוץ".

צו זײַנע בעסטע תלמידים, אויף וועלכע הערשטיין האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה, האָט געהערט ראָמאַן קראַמשטיק.

נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905 האָט די צאַרישע מאַכט פאַרשאַרפט די אונטערדריקונג אויף די אַרבעטער־מאַסן, און צוזאַמען מיט דער פּוילישער רעאַקציע האָט מען זיך באַמיט אויפצוהעצן די נידעריקסטע אינסטינקטן בײַם פאָלק. די פּוילישע רעאַקציאָנערע פּרעסע האָט אויך נישט געשוויגט די קינסטלערס. מ'האָט אָנגעהויבן צו באָיקאָטירן מאָלערס, סקולפּטאָרן און אַנדערע פּלאַסטיקערס וואָס זענען געווען פון ייִדישן אָפּשטאַם און מ'האָט נישט דערלויבט זייערע אַרבעטן צו ווײַזן אויף די אַלגעמיינע אויסשטעלונגען. אייב אייניקע פון זיי איז דאָך געלונגען אויסצושטעלן זייערע בילדער אין דער „זאַכענטאַ", האָבן „אומפּאַרטייִשע קריטיקערס" נישט־באַמערקט זייערע עקספּאָנאַטן. מ'האָט אַפילו פאַרשוויגן אַזאַ טאַלאַנטירטן סקולפּטאָר ווי הענריק קונאַ, וואָס האָט דעמאָלט אויפגעשײַנט אויפן הימל פון דער פּוילישער קונסט. און ס'האָט דאָ נישט געהאָלפן וואָס קונאַ איז שוין לאַנג געווען געשמדט. נאָך מער: אַפילו דאָס באַזוכן די „זאַכענטאַ" איז ייִדן געוואָרן באַשווערט, אַפּשיטאַ שוין די לאַנג־געקליידטע ייִדן, וועמען ס'איז געווען פאַרבאָטן דער אַרײַנגאַנג אין זאַקסישן גאָרטן, כאָטש אין שכנות האָט געוווינט אַ געדיכטע ייִדישע באַפעלקערונג.

וועגן די הערשנדיקע באַדינגונגען אין דעמאָלטיקן פּוילן האָט געשריבן נח פּרילוצקי אין זײַן בוך „באַרג אַרויף".

דאָס פאַרשווײַגן די ייִדישע שאַפונגען האָט גורם געווען אַז ס'זאָלן אָרגאַניזירט ווערן באַזונדערע אויסשטעלונגען אין דער ייִדישער געגנט. די ערשטע ייִדישע אויסשטעלונג איז געעפנט געוואָרן אין קרינסקיס שול. ס'זענען דאָ געוויזן געוואָרן די אַרבעטן פון טרעמבאַטש, ווײַנלעס און גאַבאָוויטש — אַלע שוין דאַן גוט־באַקאַנטע קינסטלערס. די אויסשטעלונג איז געווען מאַסנדיק באַזוכט דורך ייִדן און ס'זענען אויך דעמאָנסטראַטיוו געקומען פּראָגרעסיווע פּוילישע אינטעליגענץ און אַרבעטערס. אַ שפּעטערדיקע אויסשטעלונג (אין 1913) איז שוין געווען בעסער אָרגאַניזירט און איז פאָרגעקומען אין דער גאַלעריע לוקסעמבורג. דאָ האָבן זיך באַטייליקט די וואַרשעווער מאָלערס און סקולפּטאָרן: מאַוריצי מינקאָווסקי, מאַוריצי טרעמבאַטש, סטאַניסלאַוואַ צענטנערשווער און אברהם אײַזענבערג. ס'האָט דאַן אויסגעשטעלט זײַנע ווערק דער גרויסער רוסישער סקולפּטאָר איליאַ גינסבורג (1859—1939), באַרימט דערמיט, וואָס ער האָט געשאַפן די ביוסטן פון טאָלסטאָיען, ווערעשאַשאַגין, ריעפּינען און סטאַסאָוון. די דאָזיקע אויסשטעלונג האָט שוין אַפילו די רעאַקציאָנערע פּרעסע נישט געקענט פאַרשווײַגן.

מיר וועלן דאָ איבערגעבן די ביאָגראַפיעס פון די דאָזיקע אויסשטעלערס.

יאַקוב ווײַנלעס איז געבוירן געוואָרן אין 1860 אין קאָנ־

סטאַנטשין. געלערנט האָט ער אין וואַרשע, וווּהין די עלטערן האָבן זיך גיך איבערגעצויגן. ווײַנלעס האָט אָנגעהויבן זײַן שטודיום בײַ וואָיטשעך גערסאָנען אין דער צייכנשול. שפעטער איז ער אָנגעגאַנגען מיט זײַן ווײַטערדיקן לערנען אין דער מינכענער קונסט־אַקאַדעמיע בײַ פראָפעסאָר מאַר. נאָכן אומקערן זיך אין וואַרשע האָט ווײַנלעס זיך באַזעצט אין דער ייִדישער געגנט און אין משך פון צענדליקער יאָרן האָט ער דאָרט געמאָלט בילדער אויף אויסשליסלעך ייִדישע טעמעס וואָס ער האָט געשעפט פון זײַן סביבה. ער האָט געמאָלט דער עיקר קליינהענדלערס, ייִדן וואָס האָבן געלעבט פון דער לופט, בעל־מלאכות און אַרבעטערס. ער איז אַזוי פאַרכאַפּט געווען פון די ייִדישע טיפן, אַז ער האָט שוין נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן אַן אויסגעפּאַשעטן קרעמער און אַן אָרעמען גאַסן־הענדלער, וואָס האָט געשלעפט מיט די לעצטע כוחות אַ וועגעלע מיט גרינוואַרג און איז דערצו געווען פאַרפאָלגט פון אַ „גראַנאַטענעם" פּאָליציאַנט. ביידע האָט ער געמאָלט מיט דער זעלבער ליבשאַפט און איפער... אַ בעטלער, אַ קאַליקע, אַ וואַסער־טרעגער, אַ דאַוונענדיקן צבועק, אײַנגעהילט אין אַ טלית — אַ וווּלגאַרער, אומסימפּאַטישער טיפ, וואָס קען אין פריוואַטן לעבן זײַן אַ גרוביאַן און אַ שווינדלער — די אַלע קענען בײַ ווײַנלעסן, האָבן אַפילו די זעלבע טאָנאַציע ווי בײַ אַן אָרעמען, איידעלן, אַסקעטישן און טיפגלויביקן מאַן. די טעמאַטיק אין אַ סך פון זײַנע בילדער איז געווען די ייִדישע טראַדיציע, כאָטש דער קינסטלער אַליין האָט זיך אין איר נישט געהאַלטן און איז געגאַנגען אָנגעטאָן און האָט זיך געפירט אייראָפּעיִש. זײַנע מאָטיוון זענען אָפט אַ וויכוח בײַ חסידים, דבקות בײַ די מתפללים, יום־כיפור, פרומע ווײַבער, יונגע תלמודיסטן א"אַ. אָבער ווײַנלעס האָט אויך געמאָלט פייזאַזשן און שטיללעבנס, וואָס האָבן פאַרכאַפּט מיט זייער רײַכער קאָלאָריסטיק. ווײַנלעסעס שאַפונג קען מען כאַראַקטעריזירן ווי אַן אידעאַליזירונג וואָס איז דערגאַנגען ביז צו פעלשן דאָס לעבן פון די ייִדישע מאַסן אין וואַרשע. דער קינסטלער האָט זיך מיינסטנס באַנוצט מיט סטיליזירן און פאַרשענערן די ווירקלעכקייט.

ווײַנלעס איז געשטאָרבן אין וואַרשע דעם 7טן יולי 1933.

גאַנץ אַנדערש איז געווען מאָריץ מינקאָווסקי. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1881 אין וואַרשע, בײַ פאָרגעשריטענע עלטערן. בײַ אים קומט אויפן נאָבלסטן אופן צום אויסדרוק דער ייִדישער פאָלקלאָר און די אמתע ספּעציפישע שיינקייט פון ייִדישן לעבן בײַ די ייִדישע פאָלקסמאַסן. מינקאָווסקי איז געווען אַ פענאָמענאַלער טיפ אויך צוליב זײַן טויב־שטומקייט, וואָס איז אים געקומען דורך אַן אומגליקספאַל אַלס 5יעריק ייִנגל. די עלטערן האָבן זיך געשראָקן אַז זייער קאַליקע וועט זיך נישט קענען קיין עצה געבן אין לעבן, אָבער דער קליינער מאָריץ האָט אַרויסגעוויזן גרויס רירעוודיקייט און דערצו אויסערגעוויינלעכע מאָלערישע פעיִקייטן. צו 14 יאָר האָט ער שוין געמאַכט אַזעלכע וווּנדערלעכע פאָרטרעטן, אַז עס האָט פאַר אים פאָזירט אפילו דער וואַרשעווער גענ'־גובערנאַטאָר, וואָס האָט אים פאַרן געלונגענעם פאָרטרעט געשאָנקען 300 רובל. אין יאָר 1900 הייבט מינקאָווסקי אָן זײַן העכער שטודיום אין דער קראָקאָווער שול פון שיינער קונסט. זײַנע פראָפעסאָרן זענען געווען דער באַרימטער פייזאַזש־מײַסטער יאַן סטאַניסלאַווסקי און דער גרויסער מאָלער און גראַפיקער לעאָן וויטשולקאָווסקי. אין 1905 ענדיקט מינקאָווסקי די אַקאַדעמיע מיטן אַן אויסצייכענונג. ער קערט זיך אום קיין וואַרשע ווּו ער מאָלט לאַנדשאַפטן און פרעכטיקע פאָרטרעטן. נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין 1905 קומט די בלוטיקע הערשאַפט פון סטאָליפינען און די פאָגראָמען פון די שוואַרץ־מאַהניקעס אויף ייִדן און אַרבעטערס. דאַן ווערט מינקאָווסקי געשיקט

פון אַ צײַטונג קיין ביאַליסטאָק, ווּו ס'איז פאָרגעקומען אַ בלוטיקער פאָגראָם. די דאָזיקע רײַזע איז געווען דעצידירנדיק פאַרן קינסטלערס ווײַטערדיקן שאַפן. די גרוילן וואָס ער האָט זיך דאָרט אָנגעזען צווינגען אים אַוועקצוּוואַרפן די קונסט לשם קונסט און ער שפּאַנט אײַן זײַן שעפערישקייט אין קאַמף פאַר גערעכטיקייט און גלײַכהייט פון אַלע מענטשן.

פשוט און רעאַליסטיש ווײַזט מינקאָווסקי די פאָגראָמגרוילן אין אַ ריי בילדער און די גרויסע עוולה וואָס געשעט די אָרעמסטע. ער ווערט אַ מאָלער פון פאָלק און ברענגט אַרויס אין זײַנע בילדער די אָרעמסטע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, די שיכטן וואָס זענען תמיד געווען אויסגעלאַכט און מיט וועלכע מ'האָט זיך געשעמט. צום שטאַרקסטן האָט אָבער מינקאָווסקי ליב באַקומען קינדער, בפרט די וואָס מ'האָט בײַ זיי פון די פריִיִקסטע יאָרן צוגענומען די קינדהייט. דער קינסטלער ציט זיך אַרײַן אין אַ דאַכשטיבל אויף סמאָטשע, ווײַל ער וויל זײַן נאָענט פון זײַנע מאָדעלן. ער האָט ליב די קינדער צו שענקען מתנות און פרייט זיך צוזאַמען מיט זיי. ער מאָלט די קינדער נישט אַזוי ווי מ'זאָל רחמנות האָבן אויף זייער אָרעמקייט, נאָר אַזוי ווי ער וואָלט זיי געוואָלט זען אין דער ווירקלעכקייט. זיי זענען בײַ אים איידל, ווערדיק און שטאָלץ, כאָטש זיי גייען אָרעם אָנגעטאָן. מינקאָווסקי האָט ליב געהאַט שיינקייט און דעריבער איז בײַ אים אַ טראַגעדיע אפילו נישט אַרויסגעקומען אין אָפשטויסנדיקע פאָרמען. ער האָט ליב געהאַט פוילן מיטן גאַנצן האַרצן און יעדע עוולה וואָס איז איר געשען האָט ער אויפגענומען ווי אַ פערזענלעכע באַליידיקונג. נאָך מער איז ער געווען פילבאַר אויף די עוולות וואָס זענען באַגאַנגען געוואָרן קעגן די ייִדישע מאַסן. מינקאָווסקיס גרויסער פאַרדינסט איז, וואָס ער האָט געפונען אַ פאַסיקע פאָרעם כדי אַרויסצוברענגען אויף בילדער ייִדישן אינהאַלט. דערגרייכט האָט ער עס אַ דאַנק זײַן שטודירן די ייִדישע אָרנאַמענטיק, אַלטע וואַנטמאָלערײַען אין די שילן פון פוילן. ער פאָרשט רעליגיעזע חפצים, אָפט קינסטלעריש אויסגעשניצטע, אָדער באַאַרבעטע אין מעטאַל. אַזוי אַרום האָט ער פון אַלטע פאָרמען־באַפוצונגען אַרויסבאַקומען אַ סינטעז פון אַ נײַעם סטיל. מינקאָווסקי איז געווען אַ גרויסער אָפטימיסט און האָט אומערמידלעך געזוכט נײַע קוואַלן פון שיינקייט, כדי זיי אָנצוּווענדן אין זײַנע שאַפונגען. מינקאָווסקיס רום איז ווײַט איבערגעשטיגן די פוילישע גרענעצן. מ'חאָט אים געקענט אין פראַנקרײַך, דײַטשלאַנד און ענגלאַנד, ווּו זײַנע שאַפונגען, וואָס האָבן אָפגעשפיגלט דאָס ייִדישע לעבן אין פוילן, זענען אויפגענומען געוואָרן מיטן גרעסטן ענטוזיאַזם.

מינקאָווסקי איז געשטאַנען נאָענט צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, און דאָס האָט מען אויך געזען אויף זײַן בילדער־אויסשטעלונג אין וואַרשע אין 1923. ס'זענען דאָרט געווען העכער 100 בילדער, און צווישן זיי איינס וואָס האָט געהייסן „ערשטער מײַ". מ'דאַרף זאָגן אַז אין יענער צײַט איז געווען גאַנץ ווייניק קינסטלערס וואָס האָבן געהאַט דעם מוט צו מאָלן אַ קעמפעריש בילד פון אַן אַרבעטער־יום־טוב. אַ צווייט בילד האָט פאָרגעשטעלט אַ פוילישע תפיסה און נאָך אַן אַנדערס — אַ לאַנגע ריי אָרעמע־לײַט פאַר אַ ביליקער קיך. מ'זעט דאָרט גרויע געשטאַלטן פון הונגעריקע מענטשן, וואָס וואַרטן אין דער קעלט אויף אַ שיסעלע וואַרעם געקעכטס. אָט ווײַזט אַ בילד אַן אַזיל פאַר היימלאָזע און דערנעבן אַ לײַוונט מיט דער צושריפט: „בײַם ראַנד פון וועג". ס'ווערט דאָ געשילדערט אַ גרופע מידע מענטשן וואָס רוען אָן אַ זײַט פון טראַקט.

די מערהייט פון מינקאָווסקיס בילדער האָט פאַר אַ טעמע דעם ייִדישן פאָלקלאָר. אַזוי ווערט דער בית־עולם אַרויסגעבראַכט בײַם קינסטלער אין 7 וואַריאַנטן, און אויך אַנדערע בילדער האָבן בײַ

אים אָרנאַמענטן װאָס מען טרעפֿט אויף מצבות. זײַן „אסתּר המלכּה" קען באַצייכנט װערן װי אַ נײַע ספּעציפֿישע פֿאָרעם פֿון ייִדישער טעמאַטיק אין זײַן קונסט. צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע געהערן די בילדער: „אַ יונג װײַבל אין שיל", „מזכּיר נשמות", „רבקה", די פֿאַרבענקטע", און נאָך אַנדערע.

דער גרויסער ייִדישער דיכטער י. ל. פּרץ האָט הויך געשאַצט מינקאָװסקיס שאַפֿונגען און אַליין בײַ אים געקויפֿט עטלעכע בילדער.

אין 1930 זענען מינקאָװסקי און זײַן פֿרוי אָפּגעפֿאָרן קיין אַרגענטינע, װוּ ער האָט געהאַט קרובים. אין בוענאָס־אײַרעס האָט ער געהאַט אַן אויסשטעלונג פֿון זײַנע בילדער, װאָס איז געװען אַ גרויסער דערפֿאָלג.

דער קינסטלער האָט געטראַכט זיך צו באַקענען מיטן לעבן פֿון די אַרגענטינער ייִדישע קאָלאָניסטן װאָס האָבן אויסגעװאַנדערט פֿון מזרח־אייראָפּע און משמעות האָט ער אויך געװאָלט מאָלן בילדער אויף מאָטיװן פֿון דער קאָלאָניזאַציע, אָבער ס'איז געשען מיט אים אַן אומגליק: ער איז דעם 23טן נאָװעמבער 1930 איבערגעפֿאָרן געװאָרן דורך אַן אויטאָ און באַלד געשטאָרבן. ער איז געבראַכט געװאָרן צו קבורה אין בוענאָס־אײַרעס אויפֿן בית־עולם פֿון ליניערס.

אַ דאַנק די באַמיִונגען פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט אין אַרגענטינע איז אָפּגעקויפֿט געװאָרן מינקאָװסקיס קינסטלערישע ירושה און אין 1942 איז געעפֿנט געװאָרן אין אַרגענטינער ייִװאָ דער מוזיי אויפֿן נאָמען פֿון מאָריץ מינקאָװסקי.

גאָר אַן אַנדער ריכטונג אין דער קונסט און אויך אַן אַנדערן װעלטבאַנעם האָט אַרויסגעבראַכט מינקאָװסקיס מיטצײַטלער יוסף גאַבאָװיטש.

ער איז געבוירן געװאָרן אין קאָלנע בײַ לאָמזשע, אין יאָר 1862, און געשטאָרבן אין װאַרשע אין יאָר 1939. זײַן פֿאָטער איז געשטאָרבן װען יוסף גאַבאָװיטש איז אַלט געװען קוים דרײַ יאָר. שוין קינדװײַז האָט יוסף אַרויסגעװיזן קינסטלערישע נײַגונגען און צו די זעקס יאָר האָט ער שוין פֿון ליים אויסגעקלעבט מאַקעטן פֿון שיל־בימות. צו צען יאָר אַנטלויפֿט ער פֿון דער היים קיין לאָמזשע, װוּ ער װאַלגערט זיך אַרום אין פֿרעמדע הײַזער. זײַן באַליבטע באַשעפֿטיקונג איז געװען צו קלעבן פֿון ליים אַלערליי פֿיגורן. די לאָמזשער ייִדישע גמינע האָט אַ מאָל צוגעשיקט צו מאַטיאַס בערסאָנען אין װאַרשע 10 אַזעלכע פֿיגורן. קורץ נאָך דעם האָט בערסאָן איבערגעשיקט געלט פֿאַרן קליינעם קינסטלער, ער זאָל קומען קיין װאַרשע. אויפֿן װעג האָט מען דעם ייִנגל צוגעגנבעט דאָס געלט און ער האָט שוין צו פֿוס געמוזט גיין קיין װאַרשע. אין דער גרויסער שטאָט האָט ער געלערנט שניצערײַ בײַ אַ מײַסטער. דער בעל־הבית האָט אים שטאַרק אויסגענוצט און דערצו געלאָזט הונגערן. איין מאָל האָט אים דער װאַרשעװער דאָקטער פֿרענקעל געטראָפֿן אַ פֿאַרחלשטן פֿון הונגער אין זאַקסישן גאָרטן. דער דאָקטער האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיטן ייִנגל און אים אָפּגעגעבן אין דער שול פֿון װאָיטשעך גערסאָן. גאַבאָװיטש האָט דאָ געהאַט פֿאַר אַ לערער דעם פּראָפֿעסאָר קאָסאַטשעװסקי. אין 1883 װערט גאַבאָװיטש אויסגעצייכנט פֿאַר זײַנע קינסטלערישע אַרבעטן און ער פֿאָרט אין גיכן אָפּ קיין פּעטערבורג אויף װײַטערדיקן שטודיום אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. אין 1893 באַקומט ער אַ זילבערנעם מעדאַל פֿאַר זײַנע אַרבעטן און פֿאָרט דערנאָך קיין פּאַריז, װוּ ער אַרבעט אין אַטעליע בײַם באַרימטן סקולפּטאָר ראָדען. אין 1898 באַקומט גאַבאָװיטש אויף אַ פּאַריזער אויסשטעלונג אַן ערן־אויסצייכענונג און אַ יאָר שפּעטער געװינט ער אויף אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן קאָנקורס די צװייטע פּרעמיע. גאַבאָװיטש באַטייליקט זיך אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער קונסט־אויסשטעלונג אין פּאַריז (1900), װוּ ער האָט באַקומען אַ בראָנדזענעם מעדאַל.

אין 1901 קערט זיך גאַבאָװיטש אום קיין פּוילן. ער באַטייליקט זיך אויף די אויסשטעלונגען אין דער װאַרשעװער „זאַכענטאַ", אין לאָדזש און — אויס סענטימענט צו דער שטאָט פֿון זײַנע יונגע יאָרן, אויך אין לאָמזשע. אין יאָר 1915 האָט ער אַ בילדער־אויסשטעלונג אין מאָסקװע.

פֿון דעסט װעגן האָט גאַבאָװיטש זיך נישט אָפּגעגעבן מיט אַנטװיקלען זײַן טאַלאַנט צו סקולפּטור און ער האָט זיך אויך נישט אונטערגענומען אויסצופֿירן מער ערנסטע טעמעס. לײדער איז ער געבליבן שטעקן אין זײַן װירטואָזיטעט! ער האָט זיך גענייגט צו נאַטוראַליזם און זײַנע סקולפּטורװערק האָט ער באַהאַנדלט ליטעראַטור־מעסיק. בײַ זײַנע גרויסע פֿעיִקייטן האָט ער אָבער נישט גענוג איבער זיך געאַרבעט און דערפֿאַר טײלן זיך אויס זײַנע לעצטע װערק מיט אייבערפֿלעכלעכקייט. ס'האָט זיי געפֿעלט פּאָעזיע, האַרמאָניע צװישן קאָמפּאָזיציע און דער רעאַליסטישער אידעע. דער קינסטלער האָט בלויז אַרויסגעבראַכט די נאַקעטע נאַטור און איז געװען ענלעך צו טרעמבאַטשן מיט זײַן שאַפֿן סוביעקטיװע, סענטימענטאַלע אידיליעס. אַזוי למשל, איז זײַן סקולפּטור „דער דאָרשטיקער" אויסערלעך עפֿעקטועל, אָבער פּוסט אין איר זין. מער דערגרײַכונג זענען זײַנע פּאָרטרעטן־סקולפּטורן, צװישן װעלכע ס'צייכענען זיך אויס די ביוסטן פֿון שאָפּענען, מאָניושקאָן און בערסאָנען, דער מעדאַל „עליזאַ אָזשעשקאָװאַ" א"א. פֿון גאַבאָװיטשעס פּאַריזער צײַטן איז די בעסטע פּאָרטרעטן־אַרבעט דער ביוסט פֿון אייבעררבינער קאַהאַן, און פֿון דער װאַרשעװער צײַט — דער ביוסט פֿון לודװיק זאַמענהאָף. גאַבאָװיטש האָט אויך געמאַכט פּנימער פֿון באַרימטע מענטשן אין גיפּסאָפּגוס. גאַבאָװיטש איז געשטאָרבן אין 1939, עטלעכע חדשים פֿאַר דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. קורץ פֿאַר זײַן טויט האָט די װאַרשעװער ייִדישע גמינע געװאָלט אים אַרויסװאַרפֿן פֿון דער גמינע־געבײַדע, װוּ ער האָט געהאַט זײַן װױנונג, װײַל ער האָט נישט געצאָלט קיין דירה־געלט. די אלמנה נאָך גאַבאָװיטשן האָבן די נאַציס פֿאַרטריבן אין געטאָ. צו דער אַלטער פֿרוי פֿלעגט אָפֿט קומען איר אייניקל (אַ קינד פֿון אַ געמישטער חתונה), װעמענס עלטערן האָבן געװױנט אויף דער אַרישער זײַט. אין די שרעקלעכע טעג פֿון „אַקציע" האָט דאָס ייִנגל נישט געװאָלט איבערלאָזן אַליין זײַן באָבען און ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט איר.

צו דער גרופּע קינסטלערס װאָס האָבן אויסגעשטעלט זייערע בילדער אין דער גאַלעריע לוקסעמבורג האָט אויך געהערט אבֿרהם אײַזענבערג, געבוירן אין 1879. ער האָט שטודירט אין דער העכערער שול פֿון שיינער קונסט אין װאַרשע. אין זײַנע יונגע יאָרן האָט ער געהערט צו פּרצעס קרײַז און האָט אפֿילו געמאַכט דעם ביוסט פֿון גרויסן ייִדישן שרײַבער.

אײַזענבערגס סקולפּטורן פֿון יענער צײַט האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דער ייִדישער פֿאָלקסטימלעכקייט. ער האָט בולט אונטערגעשטראָכן אין זײַנע װערק די סאָציאַלע מאָמענטן. ער ברענגט אַרויס אַזעלכע טעמעס װי: „דאָס לעצטע העמד", „אַ חלום", „קאַמף פֿאַר ברויט", „די פֿאַרטראַכטע", „מוטערשאַפֿט", „אָפּגרונט".

אין זײַן סקולפּטור „היימלאָזע" װערט קלאָר אַרויסגעבראַכט די הערשנדיקע נויט אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, װוּ אָרעמע מענטשן האָבן נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ. אַן אַנדער װערק שטעלט

פאַר אַ יִדישע לוויה אין אַ קליין שטעטל. די דאָזיקע סצענע דריקט בולט אויס די שטימונג און עמאָציע פון דער גרופּע פיגורן וואָס באַגלייטן דעם נפטר. אײַזענבערג האָט אין זײַנע סקולפּטורן אויסגעדריקט אַקטיוו און רעאַליסטיש דאָס גאַנצע בייז פון דער געזעלשאַפטלעכער סיסטעם ווי אויך די דיסקרימינאַציע קעגן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אײַזענבערג געשאַפן די סקולפּטורן: „אוריאל אַקאָסטאַ", „יִדישע כּלי־זמר", און אַנדערע בילדער אויף יִדישע טעמעס.

ווי נח פּרילוצקי שטעלט פעסט, האָבן אין יענער צײַט אַ סך טאַלאַנטירטע קינסטלערס אויסגעשטעלט זייערע אַרבעטן אין דער „זאַכענטאַ", אָבער די פּוילישע פּרעסע האָט זיי אַלע מאָל פאַרשוויגן. אַזוי האָבן אויסגעשטעלט זייערע ווערק דער סקולפּטאָר פּריהאַר, וואָס האָט דעבוטירט מיט זײַן אויטאָפּאָרטרעט, די סקולפּטאָרין ראַפאַעלאַ נירענשטיין, דער מאָלער יוסף גרינשטיין און נאָך אַנדערע, וואָס זענען שפּעטער פאַרגעסן געוואָרן.

איינער פון די באַדייטנדיקסטע סקולפּטאָרן פון פאַר דער ערשטער מלחמה איז געווען אליה נאַדעלמאַן, געבוירן אין 1882 אין וואַרשע. דער אויסערגעוויינלעכער טאַלאַנט פון דאָזיקן קינסטלער האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן בעת זײַן שטודירן אין דער וואַרשעווער „שול פאַר שיינער קונסט". זײַנע סקולפּטורן, וואָס זענען דערשינען אויף די וואַרשעווער אויסשטעלונגען, האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק, אַזוי גוט אויף די באַזוכערס ווי אויף די קריטיקערס. נאָך מער האָט זיך צעבליט נאָדעלמאַנס טאַלאַנט אין פּאַריז, וווּ ער איז געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע סקולפּטאָרן פון זײַן צײַט. ער האָט אין דער קונסט אַרײַנגעבראַכט אַן אייגנאַרטיקן וועג — דעם צוריקקער צו דער קלאַסישער שיינקייט. ער איז געווען אַ רעאַליסטישער שעפער וואָס האָט זיך, אָבער, באַנוצט מיט אַ קאָמפּליצירטן צוזאַמענשטעל פון דעם פאָרעם. אַגב האָט אין פּאַריז זײַן קונסט אָנגעהויבן צו דעמאַניערירן צוליב זײַנע פּרוּוון צו פאַראייניקן די איבערנאַטירלעכע פאָרמען פון דעמאָלטיקן מאָדערניזם מיט די יסודות פון דער קלאַסיש־גריכישער סקולפּטור. ער האָט אַ סך עקספּערימענטירט, אײַנשליסנדיק אין זײַנע קאָמפּאָזיציעס אַלעגאָרישע טעמעס כּדי אַרויסצובאַקומען אַ נײַע ריטמיק און האַרמאָניע פון געשטאַלט און פאָרעם.

אליה נאָדעלמאַן איז אויך געווען אַ גלענצנדיקער צייכנער. אין זײַנע קלאַסישע צייכענונגען ווײַזן זיך בולט אַרויס זײַנע באַמיִונגען און דערגרייכונגען צו פאַרפײַנערן די סקולפּטור און אָפּרייניקן זי פון אַלע מינים אימפּרעסיאָניסטישע איבערטרײַבונגען. זײַן פּראָיעקט־צייכענונג צום קאָנקורס פון אַ שאָפן־דענקמאָל האָט געוווּנען אין פּאַריז אין יאָר 1904 די צווייטע אויסצייכענונג. נאָדעלמאַן האָט זיך באַטייליקט אין די אָפּגעקליבענע אויסשטעלונגען פון דער געזעלשאַפט „קונסט" אין קראָקע, פּונקט ווי אין די מער ערנסטע אויסשטעלונגען אין פּאַריז גופא און אין אַנדערע הויפּטשטעט. צוזאַמען מיט אַ גרופּע קינסטלערס וואָס האָבן זיך געפונען אין פּאַריז, האָט ער אויך אויסגעשטעלט זײַנע ווערק אין באַרצעלאָנאַ, און גלײַך נאָך דעם איז ער גיך אָפּגעפאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. דאָס פעלן פון אַ קינסטלערישן קלימאַט אין דער קאַפּיטאַליסטישער פאַרביזנעוועטער נאָרד־אַמעריקע איז געווען דער גרעסטער קלאַפּ פאַר זײַן אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט. דער גרויסער סקולפּטאָר האָט געלעבט און געשאַפן ווי אַ קינסטלער בלויז ביז זײַן נישט־מזלדיקן אָפּפאָר קיין נאָרד־אַמעריקע. זײַנע סקולפּטורן, בילדער און צייכענונגען, געשאַפענע אין אייראָפּע, זענען דאָרט געווען הויך געשאַצט און מען האָט זיי גערן אָפּגעקויפט פאַר פאַרשידענע קונסט־גאַלעריעס.

שטאַרק אָנגעזען און געשעצט איז אויך געווען נאָדעלמאַנס מיטצײַטלער הענריק העידען, געבוירן אין וואַרשע אין 1883. וועגן דאָזיקן מאָלער איז ווייניק באַקאַנט, אָבער לויט קאָמפּעטענטע פאַרזאָנען וואָס האָבן אַ מאָל געזען זײַנע בילדער, איז ער געווען אַ גרויסער טאַלאַנט. איך האָב באַקומען ידיעות וועגן אים בײַם קינסטלער סאַמבאָרסקי, איצט פּראָפעסאָר אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע. העידען ווערט אויך דערמאָנט פון קונסט־היסטאָריקער ד"ר אָטאָ שנײַד און אין ווינער זשורנאַל „דאָס צעלט" איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל וועגן זײַנע שאַפונגען, צוזאַמען מיט רעפּראָדוקציעס פון איניקע אַרבעטן. אויך אין דער צײַטשריפט „נאָווע זשיטשיע" פון יאָר 1924 ווערט געשריבן וועגן דאָזיקן מאָלער. העידען האָט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה געלעבט אין פּאַריז וווּ ער האָט געהאַט אָפטע אויסשטעלונגען.

צו די פּלאַסטיקערס וואָס זייער קונסט טראָגט אַ פאָלקס־כאַראַקטער, געהערן די צוויי וואַרשעווער יוסף זײַדענבײַטל און בער קראַטקאָ. ביידע קינסטלער זענען רייף געוואָרן אין ערשטן יאָרצענדליק פון דעם יאָרהונדערט און ביידע זענען אויך געוואָרן באַווירקט אין זייער שאַפן דורכן גרויסן י. ל. פּרץ.

אין געמויזעכץ פון די דעמאָלטיקע פאַרשידענע קאָסמאָפּאָליטישע שטראָמען האָט אַ פּוסטקייט זיך אויסגעשפּרייט אויך אויפן געביט פון דער פּלאַסטיק, אַזוי גוט אויף דער נישט־יִדישער ווי אויף דער יִדישער גאַס. געווען יִדישע קינסטלערס וואָס האָבן צו אויסגעפּאַשעטע בײַכער צוגעקלעפּט באָרד און פּאות, אָנגעטאָן זיי אין יִדישע קאַפּאָטעס און געוואָלט אײַנרעדן די אַרויפגעאַרבעטע יִדן אַז דאָס איז יִדישע קונסט. אַנדערע, ווידער, האָבן זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דעם אַלגעמיינעם קאָסמאָפּאָליטישן שטראָם וואָס האָט ראַן געהערשט אין לאַנד און זיי זענען פולשטענדיק אַרונטערגעפאַלן אונטער דער מאָדע פון אויסלענדישן אימפּרעסיאָניזם.

אָבער די צוויי קינסטלערס, באַווירקטע דורך י. ל. פּרץ, פאַרטיפן זיך אין שטודירן די יִדישע פאָלקסמאַסן און עס געלינגט זיי אַרויסצובאַקומען אַ סך ממשותדיקע עלעמענטן, כאַראַקטעריסטישע פאַרן דעמאָלטיקן לעבן פון די וואַרשעווער יִדן.

יוסף זײַדענבײַטל (1923—1894) האָט שטודירט אין דער וואַרשעווער שול פון שיינער קונסט בײַ דעם באַרימטן קינסטלער און אויסגעצייכנטן פּאָרטרעטיסט סטאַניסלאַוו לענץ. זײַדענבײַטל גופא איז געווען אַ קרעפטיק־קינסטלערישע אינדיווידואַליטעט און האָט מיט לײַכטקייט געקענט אַרויסברענגען שטימונגען. ער איז אויך געווען אַן אילוסטראַטאָר מיט אַ פיינעם געשמאַק און מיט אַ הויכער קולטור. באַזונדערס האָט ער געהאַט אַ געפיל פאַר פאָלקלאָר. די בילדער וואָס ער האָט געמאָלט האָבן געהאַט פּרעכטיקע פאַרבן און האָבן אויסגעצייכנט איבערגעגעבן דעם כאַראַקטער פון די קליינבירגערלעכע און אַרבעטער־שיכטן וועלכע ס'איז שוין געלונגען זיך צו באַפרײַען פון די רעליגיעזע אָבערגלויבנס און האָבן געשטרעבט צו אַ פרײַ, קולטורעל לעבן. יוסף זײַדענבײַטל איז געשטאָרבן פון אַ לונגען־קראַנקהייט אין אָטוואָצק, ווען ער איז אַלט געווען קוים 29 יאָר.

דער סקולפּטאָר בער קראַטקאָ האָט שטודירט אין יאָר 1906 אין וואַרשע. זײַן וועגווײַזער און פּראָטעזשירער י. ל. פּרץ — האָט אין אַ בריוו צו שלום עליכמען פאָרגעלייגט דעם יונגן בער קראַטקאָ אַלס אילוסטראַטאָר צו זײַן בוך. אין גיכן פאָרט קראַטקאָ אָפּ קיין רוסלאַנד, וווּ ער זעצט פאָר זײַן שטודיום. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע באַזעצט זיך דער קינסטלער אין קיִעוו, וווּ ער ווערט פּראָ־

פעסאָר אין דער דאָרטיקער קונסט־אַקאַדעמיע. ער איז דאָרט שטאַרק געשעצט פון זײַנע קאָלעגן און באַליבט בײַ זײַנע שילערס. קראַטקאָ האָט געשאַפן ווערטפולע דענקמעלער פון לענינען און סטאַלינען. פאַר דער שטאָט זשיטאָמיר האָט ער געמאַכט אַ מאָנומענט אין אָנדענק פון לעגענדאַרן העלד זאָרוש.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער געאַרבעט אין דער הויפּטשטאָט פון דער טורקמענישער רעפּובליק, אַשכאַבאַד, ווו ער האָט געשאַפן אויך נאַציאָנאַלע טעמעס פון דאָזיקן עקזאָטישן לאַנד. אין לענינגראַדער ערמיטאַזש איז פאַראַן פּרצעס אַ באַרעליעף, געמאַכט דורך קראַטקאָן. ער האָט אויך געמאַכט פּרצעס טויטן־מאַסקע און אויפן וואַרשעווער בית־עולם געפינען זיך אויך מצבות וואָס ער האָט געשאַפן.

בער קראַטקאָ געפינט זיך איצט צוריק אין קיִעוו און איז ווידער פּראָפעסאָר אין דער דאָרטיקער קונסט־אַקאַדעמיע.

.2

יידישע קינסטלערס אין וואַרשע אין דער צווישנצייט פון ביידע וועלט־מלחמות

מיר גייען איצט איבער צו דער געשיכטע פון דער קונסט בײַ די וואַרשעווער ייִדן אין פּריציש־קאַפּיטאַליסטישן פּוילן אין דער צווישנמלחמה־עפּאָכע. אַ רעאַליסטישע קונסט וואָס זאָל אָפּשפּיגלען די סאָציאַלע אַנטאַגאָניזמען פון ערשטן יאָרצענדליק פון דעם ווידערגעבוירענעם פּוילן האָט בכלל נישט עקסיסטירט. די באַוווּסטזיניקע אַרבעטערס האָבן זיך דעמאָלט אָריענטירט אויסגעצייכנט וואָס פאַר אַ אויסזען עס האָט די פּוילישע רעפּובליק. פון איין זײַט האָט געהערשט אַן אומדערטרעגלעכע עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטער מצד דעם היימישן און אויסלענדישן קאַפּיטאַל, און צו דעם זענען צוגעקומען די קלעגלעכע סאַניטאַרע באַדינגונגען, אַרבעטלאָזיקייט און שולמאַנגל. און פון דער אַנדערער זײַט איז פאָרגעקומען אַ קלאַסנקאַמף, שטרײַקן און דעמאָנסטראַציעס, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט דער עיקר אין די גרעסערע אינדוסטריע־צענטערס. דערצו זענען נישט זעלטן אויסגעבראָכן פּויערים־בונטן ווי אַ רעזולטאַט פון פאַרדערן צו הויכע צינדזן. בײַ אַזעלכע באַדינגונגען איז די קונסט געווען קאָסמאָפּאָליטיש אין דער פאָרעם און נײַטראַל אין אינהאַלט, אָדער בכלל אָן שום אינהאַלט. אפילו אַזאַ גרויסן מײַסטער פון דער פּוילישער מאָלערײַ ווי יאַן מאַטעיקאָ (1838—1893) האָבן די דאָזיקע קאָסמאָפּאָליטן אָפּגעשאַצט ווי אַ נישט־ווערטפולן מאָלער. די בורזשואַזיע האָט זיך באַמיט אײַנצורעדן די קינסטלערס אַז ס'איז נישט כדאי צו מאָלן טעמעס פון אַ רעאַלן, היסטאָרישן, פּאַטריאָטישן ,אָדער פאָלקס־כאַראַקטער. עס האָט געהערשט די לאָזונג פון „קונסט לשם קונסט", און ס'האָט זיך געשאַפן אַ פולשטענדיקער כאַאָס אין דעם אופן פון אויפנעמען קונסטפּראָבלעמען. יעדער איינער האָט געמאָלט ווי עס איז אים געפעלן, און דער קינסטלער־רעאַליסט איז געוואָרן איגנאָרירט און מען האָט זײַן שאַפן באַטראַכט ווי נישט קיין ווערטפולס. עס אַנטשטייען אַ סך ריכטונגען און אַ גרויסע צאָל גרופּירונגען און יעדע פון זיי זוכט זיך אויס פאַרשיידענע סנאָבן ווי זייערע פּראָטעקטאָרן.

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אַנטשטאַנען אין וואַרשע אַ מין ייִדישע „זאַכענטאַ" — די „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט" (1922). אַ סך נאַיִווע ייִדישע קינסטלערס האָבן געשיקט זייערע אַרבעטן צו די אויסשטעלונגען פון דער געזעלשאַפט, האָפנדיק אַזוי אַרום צו קומען אין קאָנטאַקט מיט דער געזעלשאַפט און אַ מאָל אויך פאַרקויפן אַ בילד. דער לאַנגיאָריקער פּרעזעס פון דער געזעלשאַפט איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „נאַש פּשעגלאָנד" — יאַקוב אַפּענשלאַק. די געזעלשאַפט האָט פײַערלעך געעפנט די אויסשטעלונגען, די קונסט־מעצענאַטן האָבן זיך אויסגעשטעלט פון אויבנאָן און די קינסטלערס האָבן זיך באַשיידן געהאַלטן אין שאָטן. און מיט דעם האָט זיך מערסטן טייל געענדיקט. ערגעץ־ווו האָט זיך באַוויזן אַ רעצענזיע וואָס האָט געלויבט די אַרבעט פון עטלעכע „טײַז" און די רעשט האָט מען אפילו נישט דערמאָנט — זיי זענען געווען די סטאַטיסטן פון די אויסשטעלונגען. ווי ווײַט די מעצענאַטן האָבן זיך געזאָרגט וועגן זייערע פּראָטעזשירטע, באַווײַזט דער פאַקט, אין פאַרלויף פון דער עקסיסטענץ פון דער געזעלשאַפט האָט זי עטלעכע מאָל באַקומען עקסמיסיעס פאַר נישט צאָלן קיין דירה־געלט. אחוץ דעם זענען די אויסשטעלונג־לאָקאַלן געווען ענג און אָפט אויך פינצטער, אַזוי אַז מ'האָט בײַ טאָג געדאַרפט ברענגען ליכט.

זינט 1933, ווען אין דײַטשלאַנד קומט צו דער מאַכט היטלער, נעמט פּוילן אַ בײַשפּיל פון די נאַציס און פירט אײַן זייערע מעטאָדן. וואָס אַ מאָל אָפטער טרעפט זיך אַז מען זאָל נישט צולאָזן צו די אַלגעמיינע אויסשטעלונגען קיין פּוילישע קינסטלער פון ייִדישן אָפּשטאַם. צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן האָבן די ייִדישע קינסטלערס געגרינדעט אין וואַרשע דעם „פאַראיין פון ייִדישע קינסטלערס־פּלאַסטיקערס אין פּוילן", מיט סעקציעס אין עטלעכע גרויסע שטעט. די „ייִדישע געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט" איז גאָר נישט געווען צופרידן פון דעם אויפטו, אָבער דעם נײַעם פאַראיין איז מער געלונגען צו גרופּירן אַרום זיך די ייִדישע קינסטלערס ווי דער „געזעלשאַפט". די סיבה דערפון איז געווען וואָס די „געזעלשאַפט" האָט נישט צוגעלאָזט צו אירע אויסשטעלונגען די קינסטלערס וואָס זייער טעמאַטיק האָט באַרירט סאָציאַלע פּראָבלעמען און וועלכע זענען אָבער גערן אַרײַנגענומען געוואָרן אין די אויסשטעלונגען פון „פאַראיין פון די ייִדישע פּלאַסטיקערס".

מיר וועלן דאָ אויסרעכענען די מער טאַלאַנטירטע קינסטלערס פון ביידע פאַראיינען.

משה אַפּעלבאַום (1887—1931) איז געווען אַ טיף־דענקנדיקער קינסטלער, פול מיט לעבן, און אַ גרויסער טאַלאַנט. ער האָט באַרײַזט לענדער, אַ סך געזען, זיך באַקענט מיט די שרײַענדיקע קאָנטראַסטן: פון איין זײַט אַ גרופּע עקספּלואַטאַטאָרס מיט גרויסע רײַכטימער, און פון דער אַנדערער זײַט — די אָרעמקייט, קבצנים און בעטלערס, אַ שווער לעבן, שקלאַפן־אַרבעט אָדער הונגער און אַרבעטלאָזיקייט. ער האָט געזען יונגע מענטשן אָפּגעלעבטע, אויסגעלאָשענע צוליב צו פיל זאָרג און נויט.

אַפּעלבאַום איז געבוירן געוואָרן אין אַמשינאָוו, אָבער שוין גאַנץ יונג איז ער אָנגעקומען קיין וואַרשע. אַזוי ווי ער האָט זיך דאָרטן צו גאָר נישט געקענט דערשלאָגן, איז ער אַוועק קיין קאַליש. דאָרט ווערט ער פריִער אַ שילדמאַלער און דערנאָך אַ צייכענער אין אַ האַקערײַ־פאַבריק. אַפּעלבאַום, וואָס איז דעמאָלט אַלט קוים 17 יאָר, קען זיך אָבער נישט צופרידן שטעלן מיטן באַקומענעם פּאָסטן, ווײַל ער פילט אין זיך קינסטלערישן אומרו. ער וואַרפט אַוועק דעם פּאָסטן און לאָזט זיך אין דער וועלט אַרײַן. ער קומט אָן קיין ווין. אַלץ געפעלט אים דאָ — די שטאָט, די קונסט־אַקאַדעמיע, וואָס אָנערקענט זײַנע אַרבעטן. אָבער וואָס קומט אַרויס דערפון אַז ער האָט נישט פון וואָס צו לעבן. ער מוז דעריבער ווײַטער וואַנדערן. ער חלומט אָנצוקומען קיין אַמסטערדאַם, די שטאָט ווו ס'האָט אַ מאָל געלעבט און געשאַפן דער גרויסער רעמבראַנד. אַפּעלבאַום וואַנ־

דערט פון אָרט צו אָרט, טיילווײַז מיט דער באַן און די רעשט צו פוס, פאַרדינענדיק אויף זײַן אויסקום פון די פּאָרטרעטן וואָס ער צייכנט פאַר די אָנגעטראָפענע מענטשן אין די וועגקרעטשמעס. אַזוי דערשלאָגט ער זיך סוף־כּל־סוף קיין אַמסטערדאַם. ער באַזוכט די דאָרטיקע מוזייען און אַן אַנטציקטער זאַפּט ער אין זיך אײַן די שיינקייט פון רעמבראַנדס געניאַלע ווערק. אָבער האָלאַנד האָט זיך ווינציק וואָס געביטן פון יענער צײַט ווען איר גרעסטער מאָלער־זשעני איז געשטאָרבן אין אָרעמקייט און נויט און זײַנע בילדער זענען געוואָרן ליציטירט פאַר די חובות וואָס דער קראַנקער רעמבראַנד האָט נישט געקענט באַצאָלן. אויך די איצטיקע האָלענדישע בורזשואַזיע האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום פאַראינטערעסירונג פאַרן טאַלאַנטירטן יונגן קינסטלער. אַפּעלבאַום פאַרלאָזט האָלאַנד און פאָרט אָפּ מיט אַ שיף קיין ליווערפּול. דאָרט אַרבעט ער אין פּאָרט ווי אַ פּשוטער אַרבעטער ביז ער פאַרשרײַבט זיך אין דער דאָרטיקער שול פון קונסטפאַכן. איצט שטודירט ער און גלײַכצײַטיק איז ער פאַרנומען מיט שווערער פיזישער אַרבעט. פון ליווערפּול פאָרט ער דערנאָך אָפּ קיין לאָנדאָן, ווו ער ווערט אָנגענומען אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. עס ברעכט אויס די מלחמה פון 1914. אַפּעלבאַום שליסט זיך אָן אין דער לינק־סאָציאַליסטישער אַנטימלחמה־באַוועגונג און ווערט אַרעסטירט. אָבער צוליב זײַן שוואַכן געזונט־צושטאַנד ווערט ער באַלד באַפרײַט. אין ענגלאַנד האָט אַפּעלבאַום געמאָלט בילדער פון דעם לעבן פון די ענגלישע אַרבעטערס און אויך טיפּן פון ייִדישע עמיגראַנטן וואָס זענען אָנגעקומען פון פּוילן און געוווינט אין דער געגנט פון דער לאָנדאָנער אָרעמקייט אין ווײַטשעפּל.

די ערשטע אויסשטעלונג פון אַפּעלבאַומס ווערק האָט געמאַכט אין לאָנדאָן אַ שטאַרקן אײַנדרוק. אַזוי גוט די פּרעסע ווי קונסט־מבינים האָבן אָנערקענט זײַן גרויסן מאָלער־טאַלאַנט. דער קינסטלער האָט אָבער געבענקט נאָך זײַן היימישער סביבה און ער באַשליסט אומצוקערן זיך קיין פּוילן. ער באַזעצט זיך אין וואַרשע און נעמט אָן פאַרשידענע אַרבעטן. ער ווערט לערער אין דער ייִדישער שול פון מלאכות, מאָלט אַרבעטערס בײַ דער אַרבעט און שרײַבט אַרטיקלען וועגן קונסט. אַפּעלבאַומס גרויסער פאַרדינסט איז דאָס אויפהייבן צו אַ קונסטניוואָ די דעקאָראַציעס פון וואַרשעווער ייִדישן טעאַטער. קענענדיק אַפּעלבאַומס גוטן כאַראַקטער פלעגט מען אים שטאַרק אויסנוצן און זיך נישט רעכענען נישט מיט זײַנע כּוחות און נישט מיט זײַנע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן. אַפּעלבאַום פלעגט אָפּט אָוועקפירן קונים אויף בילדער צו זײַנע קאָלעגן וועגן וועלכע ער האָט געוווּסט אַז זיי לעבן פּונקט אין אַזאַ נויט ווי ער. צוליב זײַן שווערער מאַטעריעלער לאַגע איז אַפּעלבאַום צו לעצט אָפּגעפאָרן קיין קאַטאָוויץ און דאָרט איז ער אין יאַנואַר 1933 געשטאָרבן פון שווינדזוכט.

צו אַפּעלבאַומס בעסטע ווערק געהערן: „די ייִדישע קאַפּעלע”, „די פרוי וואָס קלײַבט צונויף קוילן” און „גאַסן־מוזיקאַנטן”. אַפּעלבאַומס איז אויך די אָריגינעלע פּילפאַרביקע וואַנטמאָלערײַ אין דער בענדינער שיל און די פּאָליכראָמישע אַרבעט אין דער לוי־וויטשער שיל.

אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער האָט געטראָגן די מאָלערײַ פון סטאַניסלאַוואַ צענטנערשווער. דאָס איז געווען אַ קינסטלערין וואָס איז מיט דער גאַנצער נשמה אַרײַנגעטאָן געווען אין אירע שאַפונגען. אָפּגעשטאַמט האָט זי פון די קרײַזן פון דער וואַרשעווער ייִדישער אינטעליגענץ און האָט אָנהייב פון הײַנטיקן י״ה שטודירט אין וואַרשע און דערנאָך ווײַטער געלערנט אין פראַנקרײַך. אין פּאַריז האָט דעמאָלט געהערשט אין דער מאָלעריי די ריכטונג וואָס האָט די הויפּט־אַכט געלייגט אויף פאַרבן און צום ווינציקסטן זיך געקימערט וועגן דער טעמע פון דעם ווערק. דערפאַר האָבן אַפילו די טאַלאַנטירטסטע מאָלערס געבלאָנדזשעט און געגלויבט אַז דאָס וויכטיקסטע אין דער קונסט איז דאָס עקספּערימענטירן און אַז יעדע שאַפונג, מעג זי זײַן ווי נישט פאַרשטענדלעך, איז קונסט.

די שאַפונג פון סטאַניסלאַוואַ צענטנערשווער האָט זיך טאַקע געוואַקלט צווישן רעאַליזם און די פאָרמאַליסטישע טענדענצן. אויף דער אויסשטעלונג אין באַרצעלאָנאַ, וואָס איז שוין פריִער דערמאָנט געוואָרן, האָט צוזאַמען מיט אַנדערע פּוילישע מאָלערס אין פּאַריז אויך אויסגעשטעלט אירע אַרבעטן פרוי צענטנערשווער. דרײַ יאָר שפּעטער האָבן זיך אירע בילדער באַוויזן, צוזאַמען מיט די ווערק פון מינקאָווסקי, ווײַנלעס און אײַזענבערג, אין דער ייִדישער געגנט פון וואַרשע — אויף דער אויסשטעלונג פון דער גאַלעריע לוקסעמבורג. סטאַניסלאַוואַ צענטנערשווער האָט געהערט צו יענע ליבעראַלע קינסטלערס פון דער בירגערלעכער דעמאָקראַטיע וואָס האָבן זיך באַמיט נישט צו שטערן די געמיטלעכע שלווה. זי האָט געשאַפן הערלעכע בילדער, און פּונקט ווי זי אין דער מאָלערײַ האָט איר מאַן זיך אויסגעצייכנט אין דער מוזיק און דערצו האָט ער אויך טייל מאָל געשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן די אויסשטעלונגען.

סטאַניסלאַוואַ צענטנערשווער איז צענדליקער יאָר געווען אַקטיוו אין דער מאָלערײַ און זי איז אַלע מאָל אַזוי געווען פאַרטאָן אין אירע שאַפונגען, אַז זי האָט אַפילו נישט באַמערקט די אַלץ שטײַגנדיקע פאַשיסטישע כוואַליע אין לאַנד. ערשט ווען זי האָט דאָס אָנגעהויבן צו פילן אויף זיך אַליין, ווײַל מען האָט זי וואָס אַ מאָל אַלץ זעלטענער פאַרבעטן אויף די אַלגעמיינע לאַנד־אויסשטעלונגען, האָט זי זיך אָנגעהויבן צו באַטייליקן אויף די אויסשטעלונגען פון דער „ייִדישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן שיינע קונסט”.

אין סעפּטעמבער 1939 געלינגט דער קינסטלערין אין דער לעצטער מינוט זיך צו ראַטעווען, צוזאַמען מיט איר מאַן און איידעם, און זיי באַזעצן זיך אין ביאַליסטאָק. פרוי צענטנערשווער, כאָטש שוין נישט אין די יונגע יאָרן, נעמט זיך מיט יוגנטלעכן ענטוזיאַזם צוריק צו מאָלערײַ. אין איר שאַפונג קומט פאָר אַ גרויסע ענדערונג. אַלע בילדער זענען רעאַליסטיש. זי שאַפט קאָמפּאָזיציעס לכּבוד דער באַפרײַערישער רויטער אַרמיי און אויך אירע פּאָרטרעטן זענען קאָנקרעטע און די אַרויסגעבראַכטע געשטאַלטן זענען ווי קינסטלערישע סקולפּטורן. אַלץ וואָס קומט איצט אַרויס פון איר פּענדזל האָט אַ בולט־הומאַניסטישן אינהאַלט. דער היטלעריסטישער איבערפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד גיט שוין נישט קיין מעגלעכקייטן דער קינסטלערין צו פאַרלאָזן ביאַליסטאָק, און זי ווערט צוזאַמען מיט איר מאַן און טאָכטער פאַרטריבן אין געטאָ. די טאָכטער וואָלט אייגנטלעך געקענט בלײַבן אויסערן געטאָ, ווײַל איר מאַן איז נישט געווען קיין ייִד, אָבער זי האָט זיך נישט געוואָלט באַנוצן מיט דער פּריווילעגיע און געבליבן אין געטאָ ביז זי איז אומגעקומען צוזאַמען מיט אירע עלטערן. אַ געוויסע פּוילישע דאָקטאָרין, וואָס האָט אויסבאַהאַלטן די פרוי צענטנערשווער באַלד נאָך איר אָנקומען קיין ביאַליסטאָק, האָט איבערגעגעבן שפּעטער דעם ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע דרײַ פּאָרטרעטן פון דער קינסטלערין. די בילדער זענען פון הויכן קינסטלערישן ווערט.

אַדאַם הערשאַפּט איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע אין יאָר 1886. ער איז געווען אַ קינסטלער־גראַפיקער, באַקאַנט נישט נאָר אין פּוילן נאָר ווײַט איבער די גרענעצן. אַ ליריקער, אַ טרוימער, איז ער אָבער קיין מאָל נישט אַראָפּ פונעם וועג פון רעאַליזם. מיט

סובטעלע מיטלען האָט ער אַרויסגעבראַכט סייַ די שיינקייט פון דער נאַטור, סייַ מענטשלעכע געשטאַלטן. ער האָט געשילדערט די נאַטור אין די פאַרשידענע צייַטן פון יאָר: דעם מעלאַנכאָלישן ערב־פרילינג דעם פאַרנעפלטן, טריבן האַרבסט און אויך דעם פריידיק־בלִיענדיקן זומער. אין זייַנע הערלעכע גראַווירונגען האָט ער פאַראייביקט זייַנע שטימונגען און געפילן פון אַנטציקונג לגבי דער נאַטור. ס'איז כאַראַקטעריסטיש אַז גראָד הערשאַפט איז געווען דער וואָס האָט געשאַפן אַ ציקל גראַווירונגען פון אַלטן בערלין. דער גאַנצער ציקל האָט זיך שפּעטער געפונען אין „מערקישן מוזיי" אין בערלין. מיט דער זעלבער טיפקייט האָט דער קינסטלער אַרויסגעבראַכט די שיינקייט פון דער סיציליִשער לאַנדשאַפט. אומפאַרגלייַכלעך איז אים געלונגען אויפצוכאַפּן און איבערגעבן פּלאַסטיש דאָס פאַרגיסן מיט ליכטווייַסקייט גאַנצע שטעטלעך, צוזאַמען מיט דער פּאַנאָראַמע פון זייערע שטיבלעך. דאָס געפיל פון טרויער אָדער גליק איז דער לעבעדיקער מאַטעריאַל פון וועלכן דער קינסטלער פורעמט אויס מיט זייַן גראַווירשטיפט (דלאָטע), פאַרשידענע הערלעכע מאָטיוון. אויסערגעוויינלעך סובטעל קריצט ער אויס ביימער מיט זייערע קלענסטע צווייַגעלעך. זיינע אַקוואַפאָרטן (אויסקריצונגען אויף קופּער, צינק אָדער שטאָל, דורך דער ווירקונג פון געוויסע זייַערסן) שטעלן פאָר ים־ברעג־פּייזאַזשן, די אַלטשטאָט, דעם אינדזל קאַפּרי א"א. ער האָט אויך געמאַכט אַ גראַוויר־פּאָרטרעט פון זייַן טעכטערל, וואָס איז שפּעטער אומגעקומען בעת דער אָקופּאַציע. עלעגיעמעסיק איז זייַן אַקוואַפאָרט וואָס שילדערט אַ פאַרפרוירן פייגעלע אין שניי. הערשאַפט איז אַחוץ קונסט־גראַפיקער און מאָלער אויך געווען אַ שרייַבער, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט אייַנדרוקן פון זייַנע רייַזעס, און איז אויך דער מחבר פון דער אין זייַן צייַט באַקאַנטער נאָוועלע „אַפּאָלינס זון".

אַדאַם הערשאַפט איז צוזאַמען מיט זייַן טאָכטער, אומגעבראַכט געוואָרן דורך די היטלעריסטן אין 1942.

אַ קונסט־גראַפיקער פון אַן אַנדער שניט איז געווען יוסף בודקאָ (געבוירן אין פּלאָנסק אין 1888 און געשטאָרבן אין ירושלים אין 1942). ער האָט געהערט צו די בעסטע גראַפיקערס און קריצערס וואָס האָבן געשאַפן אויף ייִדישע טעמעס. בודקאָ איז אויך געווען אַן אויסגעצייכנטער אילוסטרירער פון די ווערק פון די ייִדישע קלאַסיקערס. אין די יונגע יאָרן האָט ער זיך באַקענט מיט דעם באַרימטן ייִדיש־דייַטשן קונסט־גראַפיקער הערמאַן שטרוק, וועלכער האָט דעם קליינשטעטלדיקן בחור צוגעהאָלפן אין זייַן שטודיום. בודקאָ האָט נאָך דער ערשטער מלחמה זיך באַזעצט אין בערלין, ווו ער האָט געלעבט און געאַרבעט ביז היטלערס קומען צו דער מאַכט. ער האָט געשאַפן אַ גרויסע צאָל סובטעלע, לירישע אַקוואַפאָרטן, צווישן אַנדערע האָט ער אויך אויסגעקריצט י. ל. פּרצעס פּאָרטרעט. איינס פון זייַנע שענסטע ווערק איז די „הגדה" וואָס באַשטייט פון 26 לירישע גראַווירונגען וועלכע אילוסטרירן די ביבלישע לעגענדע. אייניקע פון די דאָזיקע מיניאַטור־אַקוואַפאָרטן זענען איניציאַל־אילוסטראַציעס (בייַם אָנהייב פון קאַפּיטל), אַנדערע זענען קינסטלעריש אויסגראַווירטע העבעִישע אויפשריפטן.

משה ריניעצקי איז געבוירן געוואָרן אין 1885 אין וואַרשע. ער האָט זיך אַליין געלערנט און מיט דער צייַט געוואָרן דער קינסטלער וואָס האָט געבראַכט צום אויסדרוק זייַן נאָענטסטע סביבה. זייַנע בילדער האָבן געוויזן מייַנסטנס ייִדישע בעל־מלאכות וואָס האָבן נאָך טיף געשטעקט אין די פאַרעלטערטע טראַדיציעס. ער האָט געמאָלט ייִדישע האַנטוועבערס אין די וואַרשטאַטן, שמידן, בלעכערס, ייִדן „כאַלופּניקעס" וואָס האָבן אין זייערע היימען אויסגעאַרבעט קינדערשפּילעכלעך, און דאָס אַלץ האָט ער גענומען פון ווירקלעכן לעבן פון די דעמאָלטיקע וואַרשעווער ייִדישע קליינבירגערלעך־בעל־מלאכישע טיפּן. דער קינסטלער האָט געמאָלט אַן אַלטן בלינדן בעטלער וואָס זיצט בייַם אַרייַנגאַנג פון דער שיל און ציט אויס די האַנט נאָך אַ נדבה. אויף דער ברוסט פון בעטלער איז אָנגעהאָנגען אַ טאָוול מיט אַ ייִדישער אויפשריפט. ריניעצקי האָט געמאָלט פּוסטע בתי־תפילות, ווו בייַם אויסגעלאָשענעם פייַער פון אַן אייַזערן אייווועלע וואַרעמט זיך די הענט דער אַלטער שמש. אין דער טיפעניש זעט מען אויף דער וואַנט הענגען אַ פּושקע פאַר נדבות. אין די גרופּע־קאָמפּאָזיציעס ווייַזט דער קינסטלער מאַסן־סצענעס, ווי למשל: „אַ גרויסער עולם הערט אויס אַ מגיד" אָדער „די פּסחדיקע מאָלצייַט".

ריניעצקיס מאָלערייַען, אַקוואַרעלן און גואַשן (געמאָלן מיט וואַסערפאַרבן, אויסגעמישטע מיט גומע), זענען געמאַכט מייַנסטנס אין אַ ספּעציעלן מין ביזאַנטישן סטיל און דאָס קומט אויס ביז גאָר מאָדנע, נעמענדיק אין אַכט אַז ער האָט נישט דורכגעמאַכט קיין סיסטעמאַטישע שטודיום און איז כמעט קיין מאָל נישט אַרויסגעפאָרן פון זייַן היימשטאָט. ריניעצקיס פרוי האָט געהאַלטן אַ קרעמל אויף קראָכמאַלנע־גאַס, באַפרייַענדיק דעם מאַן פון עול פרנסה. אַזוי אַרום האָט דער קינסטלער זאָרגלאָז זיך געקענט באַשעפטיקן מיט זייַן מאָלערייַ וואָס איז אויך גערן געזען געוואָרן דורכן נישט־ייִדישן פּובליקום אויף די אויסשטעלונגען. ריניעצקי, וואָס איז געווען אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון „פאַראיין פון ייִדישע קינסטלערס־פּלאַסטיקערס", איז אויך געווען פאַרטראָטן מיט זייַנע בילדער אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג אין בריסל.

ער איז אומגעקומען פון די היטלעריסטישע מערדער דעם 19טן סעפּטעמבער 1942.

אַן אינטערעסאַנטער וואַרשעווער קינסטלער איז געווען זיגפריד קאַמינסקי. ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אין פּלאַקאַטן און באַפּוצט די בוכטאָוולען. קאַמינסקי קען באַצייכנט ווערן ווי דער ערשטער פאָטאָמאָנטאַזשיסט אין פּוילן. דער דאָזיקער שטאַרק־פאָרגעשריטענער קינסטלער האָט אין 1927 אויסגעשטעלט זייַנע אַרבעטן אין לאָקאַל פון די פרייַדענקערס. ער האָט געמאָלט די טאָוולען פון גלאַדקאָווס בוך „צעמענט" און אויך פון איליאַ ערענבורגס אַ בוך. אין 1928 האָט ער אויסגעשטעלט זייַנע גראַפישע אַרבעטן אין דער „ייִדישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט". וועגן זייַנע שאַפונגען האָט געשריבן פעליקס פרידמאַן אין די „ליטעראַרישע בלעטער" אין יאָר 1930, און אין 1938 — אברהם גוטערמאַן. קאַמינסקי האָט געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף די שפּעטערדיקע פּוילישע פאָטאָמאָנטאַזשיסטן, צווישן זיי אויף מיעטשיסלאַוו בערמאַנען.

קאַמינסקי איז געשטאָרבן אויף טובערקולאָז אין 1931, ווען ער איז אַלט געווען קוים 26 יאָר.

פּוילן האָט נישט בלויז „עקספּאָרטירט" צענדליקער טויזנטער „איבעריקע הענט" פון אַרבעטערס, פּויערים און בעל־מלאכות, וואָס האָבן געמוזט עמיגרירן צוליב מאַנגל אין אַרבעט און ברויט, נאָר ס'איז אויך נישט געווען אין לאַנד קיין פּלאַץ פאַר אַ סך אינטעלעקטואַלן. אַזוי צום בייַשפּיל, האָט אין פראַנקרייַך אין משך פון צענדליקער יאָרן געשאַפן זייַנע ווערק איינער פון די אָנגעזעענסטע רעאַליסטן פון אונדזער צייַט — משה קיסלינג (1891—1953), אַ זון פון אַ קראָקעווער שנייַדער, און אין דייַטשלאַנד האָבן געשאַפן מאָריץ גאָטליב, שמואל הירשענבערג און — ביז היטלערס אויפשטייַג אין 1933 — יוסף בודקאָ, יאַנקל אַדלער און הענריק באַר־

טשינסקי (דערמאָרדעט אין פּוילן דורך די היטלעריסטן). אין רוים האָט אַ סך יאָרן געשאַפֿן דער באַרימטער סקולפּטאָר העניך גליצענשטיין, וואָס האָט דאָרט באַקומען דעם טיטל פּראָפֿעסאָר. אין ענגלאַנד האָבן זיך געפֿונען אייניקע באַרימטע ייִדישע קינסטלערס פֿון פּוילן, צווישן זיי אַלפֿרעד וואָלמאַרק, וואָס זײַנע בילדער האָבן אין גרעסטן טייל אַ פּויליש־ייִדישע טעמאַטיק. אויך קיין צפֿון־ און דרום־אַמעריקע האָבן עמיגרירט ייִדישע קינסטלערס פֿון פּוילן. באַקאַנט זענען לאַזאַר סעגאַל אין בראַזיל, די וואַרשעווער פּעני ראַבעל אין מעקסיקע אַ שילערין פֿון באַרימטן מאָלער דיעגאָ ריוועראַ און די מחברטע פֿון די וואַנטמאָלערײַען אין דער „נײַער דרוקערײַ" אין דער מעקסיקאַנער הויפּטשטאָט און משה פֿייגענבלום אין אַרגענטינע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע אין 1894.

מיר וועלן דערמאָנען נאָך אייניקע וואַרשעווער ייִדישע קינסטלערס, וואָס הגם זיי געפֿינען זיך תּמיד אין אויסלאַנד, זענען זיי פֿון דעסט וועגן געווען פֿאַרבונדן מיט זייער היימשטאָט. צו זיי געהערן: מעלאַ מוטער, לעאָן קאַמיר, לודוויק מאַרקוס און הענריק בערלעווי.

מעלאַ מוטער איז געבוירן אין וואַרשע אין 1876. זי האָט שטודירט בײַם פּראָפֿעסאָר מילאַש קאָטאַרבינסקי. נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זי עמיגרירט קיין פּאַריז, וווּ זי איז גיך געוואָרן פּאָפּולער אין די קינסטלערישע קרײַזן, אָבער די גאַנצע צײַט האָט זי אָנגעהאַלטן די פֿאַרבינדונג מיטן היימלאַנד און אַפֿילו געשיקט אירע בילדער אויף די אויסשטעלונגען אין פּוילן. צוזאַמען מיט דער גרופּע פּוילישע מאָלערס אין פּאַריז האָט זי זיך באַטייליקט אין די פֿראַנצויזישע אויסשטעלונגען וואָס זענען אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין פֿאָלקספּוילן. כאָטש די מאָלערײַ פֿון דער קינסטלערין איז דורכגעזאַפּט מיטן פֿראַנצויזישן אימפּרעסיאָניזם, איז אָבער איר שאַפֿונג גאַנץ פֿאַרשטענדלעך און איז דורכגעדרונגען מיט טיפֿן הומאַניזם. מעלאַ מוטער איז באַקאַנט דורך אירע פּאָרטרעטן פֿון גרויסע קינסטלערס און שרײַבערס, ווי שמואל הירשענבערג, לעאָפּאָלד סטאַף, אַנרי באַרביס א"אַ. די ווערק פֿון דער טאַלאַנטירטער מאָלערין געפֿינען זיך אין דער פּאַריזער גאַלעריע לוקסעמבורג און אין אַנדערע קונסט־גאַלעריעס אין אייראָפּע.

אַ גאַנץ אַנדערן שאַפֿונגסוועג האָט אויסגעקליבן לודוויק מאַרקוס, געבוירן אין וואַרשע דעם 27טן נאָוועמבער 1883. ער האָט שטודירט אין קראָקע אין די יאָרן 1897—1901 און אין 1902 פֿאָרט ער אָפּ קיין פּאַריז. אין דער קראָקעווער אַקאַדעמיע — און אויך אין די ערשטע צײַטן אין פּאַריז — מאָלט ער גאַנץ פֿאַרשטענדלעך און זאַכלעך. אָבער גיך ווערט ער גאָר אַן אַנדערער, ער פֿאַרבײַט אַפֿילו איבער זײַן נאָמען אויף לויִ מאַרקוסיס. זײַן רעאַליזם פֿאַרוואַנדלט ער איז אומבאַגרײַפֿלעכע, פֿאַנטאַסטישע שאַפֿונגען. דער קינסטלער האָט געוואָלט מיט זײַן פֿאָרעם אויסדריקן די אַבסטראַקציע פֿון גײַסט, און אַלץ וואָס ער האָט געשאַפֿן האָט געפֿאָדערט ברייטע קאָמענטאַרן, אָן וועלכע עס וואָלט אין גאַנצן נישט געווען פֿאַרשטענדלעך. דער באַנײַטער מאַרקוסיס האָט זיך אונטערגעוואָרפֿן דעם געשמאַק פֿון די סאַמע ראַפֿינירטסטע קונסט־געניסערס פֿון דער בורזשואַזיע. וואַרשײַנלעך איז ער אין פּאַריז געוואָרן אויך אַן אָנהענגער פֿון אַנרי בערגסאָנס פֿילאָסאָפֿיע. דער קינסטלער האָט זיך איצט פֿאַרוואַנדלט אין דעם טאָנגעבער פֿון די העכסטע שפּיצן פֿון דער רײַכער געזעלשאַפֿט און האָט אויסגעדריקט אין זײַן שאַפֿונג די בענקשאַפֿט פֿון די סופּערראַפֿינירטער פֿײַנשמעקערס־דעקאַדענטן וואָס האָבן געוואָלט פֿאַרוואַנדלען די קונסט אין אַ מין פֿעטיש. מאַרקוסיס ווערט אין פּאַריז אַ פֿאָרשטייער פֿון אַבסטראַקט־קוביסטישער מאָלערײַ, פּונקט ווי אַן אַנדערער פּוילישער ייִד — זשאַק ליפּשיץ — רעפּרעזענטירט דאָס זעלבע אין דער סקולפּטור.

אַ ייִנגערער פֿון מאַרקוסן, וואָס האָט אויך געלעבט אין אויסלאַנד און דורכגעמאַכט ענלעכע מעטאַמאָרפֿאָזע, איז הענריק בערלעווי.

ער איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע אין 1894. שוין צו צוועלף יאָר האָט ער אַרויסגעוויזן אַזאַ אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט, אַז מ'האָט אים גלײַך אָנגענומען אין דער וואַרשעווער „שול פֿון שיינער קונסט", וווּ ס'איז נישט מעגלעך געווען אָנצוקומען אין אַזאַ פֿריִען עלטער. דאָ שטודירט ער בײַם פּראָפֿעסאָר קאָנראַד קשיזשאַנאָווסקי ביזן יאָר 1909, ווען ער פֿאָרט אָפּ קיין אַנטווערפּן כּדי ממשיך צו זײַן זײַן שטודיום. אין 1909 טרעפֿן מיר אים שוין אין פּאַריז. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה קערט ער זיך אום קיין פּוילן און אין 1919 דעבוטירט ער אין דער וואַרשעווער „זאַכענטאַ".

אין בערלעווים שאַפֿונגען זענען פֿאַראַן שטאַרקע אינערלעכע סתּירות. פֿון איין זײַט זענען זײַנע בילדער דורכגעדרונגען מיט ייִדישן פֿאָלקלאָר, מיטן אייגנאַרטיקן ייִדישן הומאָר און לײדן, און פֿון דער אַנדערער זײַט רײַסן זיך אַרײַן אין בערלעווים טעמאַטיק עפּעס אַזעלכע פֿרעמדע טענער, וואָס שאָקירן מיט זייער שרײַענדיקן דיסאָנאַנס. ס'וואָלט אָבער נישט ריכטיק געווען צו רעדן בלויז וועגן יענע בילדער וווּ דער קינסטלער האָט היימישע מאָטיוון אַרײַנגעפּאַסט אין אַ פֿרעמדער סטיליזאַציע. אין פּוילן האָט בערלעווי אַרויסגעבראַכט סאָציאַלע טעמעס, צווישן וועלכע דאָס ווערטפֿולסטע איז געווען דאָס בילד „דער ייִדישער גלעזער". דאָ האָט דער מחבר אַרויסגעבראַכט די ווייטיקלעכע ווירקלעכקייט פֿון יענע „גוטע צײַטן" ווען אויף די ייִדישע גאַסן האָט מען טאַקע אָפֿט אויסגעהאַקט די שויבן, אָבער דער ייִדישער גלעזער פֿון בילד זיצט פֿון דעסט וועגן אַ פֿאַרזאָרגטער, ווײַל ער איז געבליבן אָן אַרבעט.

אין יאָר 1921 באַטייליקט זיך בערלעווי אין דער אויסשטעלונג אין לאָדזש מיט בילדער אויף ייִדישע טעמעס. אין זעלבן יאָר ווערט ער אַ מיטגליד פֿון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פֿון דער ערשטער אויסשטעלונג פֿון „פֿאַראיין פֿון ייִדישע קינסטלער־פּלאַסטיקערס אין פּוילן", וואָס ווערט געעפֿנט אין דער געביידע פֿון דער ייִדישער גמינע אויף גזשיבאָווסקע 26. בערלעווי האָט דאַן געמאַכט אַ מאָדערניסטישע, שטאַרק־סטיליזירטע צייכענונג אויף דעם טאָוול פֿון קאַטאַלאָג פֿון דער אויסשטעלונג. ער האָט געמאָלט די הילעס פֿון אַ סך ביכער און איז אויך געווען דער מחבר פֿון פּלאַקאַט פֿון דער דיבוק־פֿאָרשטעלונג. אָבער בערלעווי גייט אַלץ אָפֿטער אַריבער צו דער פֿאָרמאַליסטישער, אַבסטראַקטער קונסט, וווּ ער פֿאַרבינדט די קוביסטישע פֿאָרעם מיט זײַנע גרויסע טעכנישע קענטענישן.

אין 1927 שטעלט ווידער בערלעווי אויס זײַנע אַרבעטן אין וואַרשע, אָבער דאָס מאָל אין דער „ייִדישער געזעלשאַפֿט צו פֿאַרשפּרייטן קונסט". ער פֿאָרט דערנאָך אָפּ קיין פּאַריז און דערנענטערט זיך שפּעטער צום נאַטוראַליזם. אַ סך זײַנע בילדער פֿון יענער צײַט צייכענען זיך אויס מיט זייער פֿאַרשטענדלעכקייט און רעאַליזם. נישט קוקנדיק אָבער אויף זײַנע גרויסע פֿעיִקייטן שטייט דאָך בערלעווים שאַפֿונג אויף דער גרענעץ צווישן פֿאָרמאַליזם און רעאַליזם.

אַ קינסטלער פֿון גרויסן פֿאַרנעם איז געווען לעאָן קאַמיר (קאַופֿמאַן), וואָס שטאַמט פֿון פּאַוולאָווע, נאָענט פֿון וואַרשע. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 8טן יוני 1872. אין די יאָרן 1895—1897 שטודירט ער אין וואַרשע בײַ וואָיטשעך גערסאָנען, שפּעטער אין מינכן בײַ האָלאָסין. אָבער שוין אין 1898 פֿאָרט ער אָפּ קיין פּאַריז, וווּ ער בלײַבט שוין אַ תּושב. דאָ לערנט ער בײַ בנימין קאָנסטאַנטן און ווערט אין גיכן באַקאַנט ווי אַן אויסגעצייכנטער פּאָרטרעטיסט.

אין 1911—1912 שטעלט ער אויס זײַנע בילדער מיט די כאַראַקטעריסטיש־זאַפטיקע פאַרבן אין לאָנדאָן און אין 1920 באַווײַזן זיך זײַנע אַרבעטן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג אין ווענעציע. 2 יאָר שפעטער שטעלט ער אויס זײַנע בילדער אין דער קונסט־גאַלעריע באַרלאַזאַנזש.

קאַמיר איז שטענדיק געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט זײַן לאַנד. ער האָט געמאָלן די פאָרטרעטן פון הענריק שיענקעוויטש און וואַצלאַוו נאַלקאָווסקי און פון דער פראַנצויזין איוועט גילבער. אין וואַרשע האָט דער קינסטלער צוויי מאָל געהאַט אויסשטעלונגען: אין 1913 און אין 1922. אין 1925 שטעלט ער אויס זײַנע בילדער אין מילאַן. אייניקע גרויסע אייראָפעיִשע קונסט־גאַלעריעס האָבן געקויפט קאַמירס בילדער, צווישן זיי די פאַריזער לוקסעמבורג־גאַלעריע. די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אָפגעקויפט קאַמירס בילד „די וואַנדערנדיקע פראַנצויזישע קינסטלערס” און דאָס בילד „די איטאַליענישע קאָמעדיע” האָט אָפגעקויפט די „גאַלעריע פון מאָדערנער קונסט” אין ווענעציע. ס'איז אויך באַקאַנט קאַמירס בילד „דער פוילישער קאָמיטעט אין וועוועי” וואָס שטעלט פאָר דעם „הילפס־קאָמיטעט פון די נײַן לטובת פוילן”. מען זעט אויפן בילד די מיטגלידער אָסוכאָווסקי, קאָוואַלסקי, וולאַדיסלאַוו מיצקעוויטש, פאַדערעווסקי, אַשקענאַזי, ראָזען און טאַובע.

צום לעצטן מאָל איז קאַמיר געווען אין פוילן אין 1922. ער איז געשטאָרבן אין פראַנקרײַך אין 1933.

אין פאַריז האָט אויך געוווינט דער וואַרשעווער סטאַניסלאַוו שטיקגאָלד. ער איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע און געשטאָרבן אין פאַריז דעם 19טן יאַנואַר 1933. זײַן שאַפן האָט געהאַט אַ פאָעטיש־מיסטישן כאַראַקטער און האָט זיך מײַסטנס באַצויגן צום הימל און צו די שטערן. ער האָט געמאָלט די לבנה און די אַנדערע פלאַנעטן און די שטערן־קאָנסטעלאַציע האָט ער אַרומגענומען מיט פאַנטאַסטישע אָרנאַמענטן, און צווישן דעם אַלעם האָט ער אַרײַנגעשטעלט אויסגעפאַנטאַזירטע מענטשלעכע געשטאַלטן. זײַנע באַליבטע פאַרבן זענען געווען געל, רויט און גרין, וועלכע ער האָט צוגעשריבן עפעס אַ געהיימע באַדײַטונג. ער האָט געשאַפן אַ סך יִדישע מאָטיוון, וועלכע ער האָט שטאַרק סטיליזירט און צוגעגעבן זיי אַ מיסטישן הויך. שטיקגאָלדס שאַפונגען זענען אין גאַנצן געווען אָפגעריסן פון רעאַלן לעבן און האָבן נישט געהאַט קיין שום שײַכות מיט געזעלשאַפטלעכע פראַגעס.

אַ יאָר נאָך שטיקגאָלדס טויט האָט די באַקאַנטע פאַריזער גאַלעריע בערנהיים אײַנגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון זײַנע בילדער. וועגן דער קונסט פון דאָזיקן אָריגינעלן מאָלער האָט צווישן אַנדערע געשריבן דער דײַטשער דיכטער דאָובלער אין „ציצעראָנע”, אין יאָר 1922.

דעם וועג צום אַרבעטער האָט געפונען דער מאָלער דוויד האַלטרעכט. ער איז געווען אַ ריכטיקער רעפרעזענטאַנט פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער יִדישער קונסט און אין דער ווירקלעכקייט אויך געווען אַ מיטגליד אין דער סדקפ"ל.

דוויד האַלטרעכט איז געבוירן געוואָרן אין 1880 אין וולאָצלאַוועק. ער שטאַמט פון אַן אָרעמער רבנישער משפחה, ווו ס'האָבן זיך געפונען 7 קינדער. דווידס פאָטער איז געשטאָרבן ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין יִינגל, און נישט וועלנדיק זײַן אַ לאַסט פאַר דער מוטער, פאַרלאָזט ער אין גיכן זײַן היימשטאָט און פאָרט אָפ קיין לאָדזש. דאָ אַרבעט ער ווי אַ וועבער און לערנט דערצו אין די אָוונטן, ביז ער באַקומט מאַטורע. צוליב זײַן נייגונג צו מאָלערײַ פאַרלאָזט

ער לאָדזש און פאָרט אָפ קיין אַדעס און טרעט דאָרט אַרײַן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע. נאָכן פאַרענדיקן זײַן שטודיום פאָרט ער אָפ קיין מינכן, באַזוכט אויך פאַריז און באַזעצט זיך צו לעצט אין וואַרשע. אין 1908 שטעלט ער אויס אין דער „זאַכענטאַ” זײַן בילד „די עבירה”. אַ יאָר שפעטער שטעלט ער דאָרט אויס זײַנס אַ שטודיום און אַן אַרבעט מיטן נאָמען „אַ קליינער איבעררײַס”. אין 1910 האָט האַלטרעכט אַ גרויסע אויסשטעלונג פון זײַנע בילדער אין לאָדזש. קונסט־מבינים, צווישן זיי דער שרײַבער אַנדזשעי מאַרעק, לויבן שטאַרק האַלטרעכטס שאַפונגען. דער זשורנאַל „שוויאַט” פאַרעפנטלעכט דעמאָלט רעפראָדוקציעס פון 4 בילדער זײַנע און אויך דעם אויטאָפאָרטרעט פון קינסטלער.

נאָך דער אויסשטעלונג פאָרט האַלטרעכט אָפ צוליב שטודיום־צוועקן אויפן ווײַטן מזרח. ער באַרײַזט טורקעסטאַן, בוכאַרע, דאָס הײַנטיקע אוזבעקיסטאַן, און קערט זיך דערנאָך אום קיין אייראָפע. בײַם אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געפינט ער זיך אין די בערג פון נידער־שלעזיע, פון וואַנען ס'געלונגט אים אָפצופאָרן קיין בערלין. דאָ מאָלט ער און פאַרקויפט זײַנע בילדער כדי זיך צו קענען אויסהאַלטן.

אין 1925 פאַרלאָזט ער בערלין און פאָרט ווידער אָפ אין ווײַטן מזרח. דאָס מאָל באַרײַזט ער די מאָנגאָלישע רעפובליק, כינע און יאַפאַן. 5 יאָר דויערט זײַן רײַזע און דער קינסטלער כאַפט אויף אַ סך בילדלעך פון לעבן פון די דאָרטיקע פעלקער. אין די בילדער, וואָס האַלטרעכט ברענגט דערנאָך אַרויס, שפיגלט זיך אָפ דאָס קולטור־לעבן און דער קלאַסנקאַמף ספעציעל בײַ די כינעזער. די אַלע בילדער צייכענען זיך אויס מיט זייער פאַרביקייט און זיי זענען מײַנסטנס גאַנץ רעאַליסטיש געמאָלט.

אין 1930 אָרדנט אײַן האַלטרעכט אַן אויסשטעלונג פון זײַנע שאַפונגען אין מאָסקווע, און אין זעלבן יאָר אויך אין וואַרשע. דעם אַרײַנפיר צום קאַטאַלאָג פון דער וואַרשעווער אויסשטעלונג האָט אָנגעשריבן דער באַרימטער קונסט־היסטאָריקער מיעטשיסלאַוו סטערלינג. פון וואַרשע פאָרט האַלטרעכט ווידער קיין פאַריז און דערנאָך קיין ראַטן־פאַרבאַנד, ווו ער שטאַרבט אין 1933 אין מאָסקווע.

דוויד האַלטרעכט איז געווען איינער פון די ווייניקע פאָליטיש־רײַפע און רעאַליסטישע מאָלערס, וואָס האָבן געדינט מיט זייער קונסט די אַרבעטער־מאַסן. זײַנע שאַפונגען באַווײַזן אַז מען קען אויפהאַלטן די עסטעטישע יסודות פון דער קונסט און דאָך שאַפן רעאַליסטיש, וואָס מיינט באַוווּסטזיניק דינען מיט דער קונסט געזעלשאַפטלעכע צילן.

האַלטרעכטס בילדער ווירקן איבערצײַגעוודיג און דערבײַ איז יעדער פרט קינסטלעריש. דאָס באַציט זיך נישט בלויז צו אַרבעטער־טיפן, נאָר אויך צו גרופע־קאָמפאָזיציעס. זײַנע בילדער זענען שיין און האַרמאָניש און עס דאָמינירט אין זיי אַלע מאָל דער הומאַניזם.

נאָכן נאַציִשן זיג אין דײַטשלאַנד, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן דורך געוואַלד און טעראָר, האָט אויך די פוילישע רעאַקציע חוצפהדיק אויפגעהויבן דעם קאָפ. אויך פוילן איז פאַרכאַפט געוואָרן פון דער היטלעריסטישער אידעאָלאָגיע. דאָס דײַטשע „הערענפאָלק” האָט אונטער היטלערס אָנפירונג זיך געגרייט צו פאַרכאַפן די מזרח־לענדער: דעם ראַטן־פאַרבאַנד און דעם נאָענטסטן שכן אויף מזרח — פוילן. דער דײַטשער קאַפיטאַל, וואָס האָט ביז איצט עקספלואַטירט פוילן, האָט געהאַט אין דער פוילישער בורזשו־

אַזיע געטרײַע דינערס. דער היטלעריסטישער סם איז אַרײַנגעדרונגען אין דער „סאַנאַציע" און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אומגעהערטער טעראָר קעגן די אַרבעטער־מאַסן. אַ „פּאַציפיקאַציע" פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אויף די מזרח־קרעסן און אַ ווילדער אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט דערגרייכט די העכסטע פּוילישע לערן־אַנשטאַלטן, ווו ייִדישע סטודענטן האָבן געליטן פון אַלערליי דיסקרימינאַציעס. דער אַנטיסעמיטישער סם האָט אויך אָנגעשטעקט די קינסטלערישע קרײַזן פון וואַנען מען האָט באַזײַטיקט ייִדישע מיטגלידער און זיי נישט צוגעלאָזט צו די אַלגעמיינע אויסשטעלונגען. ווי אַ רעאַקציע קעגן דער פאַשיזירונג פון די פּוילישע קינסטלערישע קרײַזן אין אַנטשטאַנען אין וואַרשע אַ גרופּע פּראָגרעסיווע פּוילישע און ייִדישע קינסטלערס־פּלאַסטיקערס, אונטערן נאָמען „טשאַפּקאַ פריגיסקאַ"1) (דאָס פריגישע היטל). די נשמה פון דער גרופּירונג איז געווען זיגמונט באָבאָווסקי, וואָס איז צוזאַמען מיט אַ צווייטן מיטגליד פון דער גרופּע — פראַנטשישעק באַרטאָשעק — אומגעקומען אין מײַ 1943, בײַם ברענגען הילף פאַר ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ.

„טשאַפּקאַ פריגיסקאַ" האָט אין 1936 אײַנגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון די אַרבעטן פון אירע מיטגלידער אין דער נײַ־אַנטשטאַנענער וואַרשעווער אַרבעטער־געגנט זשאָליבאָזש, אין אַן אַכסניא וואָס האָט געהייסן „שקלאַנע דאָמי" (גלעזערנע הײַזער) 2). פון די פּוילישע קינסטלערס האָבן, אחוץ די צוויי דערמאָנטע מיטגלידער, געהערט: קאַזשימיעזש גערע, וויטאָלד מילער, בראָניסלאַוו לינקע און נאָך אַנדערע. פון די ייִדישע קינסטלערס זענען אַרײַן אין דער גרופּירונג די מאָלערס: הענריק שערער, יצחק פּערעל, דער גראַפיקער יחיאל טינאָוויצקי, דער סקולפּטאָר חיים האַנפט, דער פּאַטאָמאַנטאַזשיסט מיעטשיסלאַוו בערמאַן א"אַ. אין קאַטאַלאָג פון דער אויסשטעלונג האָט די „טשאַפּקאַ פריגיסקאַ" אויסגעדריקט איר שטעלונג צו קונסט אין 4 הויפּטפּונקטן. לויט דער אָפּהאַנדלונג פון קונסט־היסטאָריקער מיעטשיסלאַוו וואַליס־וואַלפיש, פאַרעפנטלעכט אין זשורנאַל „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע" (ליטעראַרישע ידיעות) פון 31טן מײַ 1936, האָט זיך אין זייער פּראָגראַם געזאָגט: „די גרופּע וויל געבן אַן אויסדרוק די אידעאַלן און שטרעבונגען פון דער אַרבעטסוועלט. די גרופּע שטעלט זיך קעגן דער לאָזונג פון „קונסט לשם קונסט". די גרופּע שטעלט אַרויס דעם פּאָסטולאַט פון טעמאַטישער קונסט און אָנערקענט די נויטווענדיקייט פון רעאַליזם אין דער קונסט, אין ברייטסטן זינען פון וואָרט.

---

1) אַ סימבאָל פון פרײַהייט.

2) אַן אָנדייט אויף די גלעזערנע הײַזער פון זשעראָמסקיס „ערב־פרילינג".

די צווייטע אויסשטעלונג האָט די גרופּע אָרגאַנזשירט אין קראָקע, אין הויז פון אײַזנבאַנער־פאַרבאַנד. די קינסטלערס פון „טשאַפּקאַ פריגיסקאַ" האָבן זיך באַמיט אין זייערע שאַפונגען אַרויסצוברענגען דאָס לעבן און די נויטן פון די אַרבעטערס און פּויערים. נאָענט צו דער גרופּע זענען געשטאַנען אַזעלכע באַקאַנטע פּוילישע מאָלערס ווי די וואַרשעווער יוליוש קראַיעווסקי, העלענאַ מאַלאַרעוויטש־קראַיעווסקאַ און דער קראָקעווער מאָלער סטאַניסלאַוו אָסאָסטאָוויטש (אומגעקומען אין 1939 בעתן באָמבאַרדירן וואַרשע), דער סקולפּטאָר וויטשינסקי (געשטאָרבן פון שווינדזוכט), יאַנאַש שטערן (וועמען די סאַנאַציע־רעגירונג האָט נאָך פאַר דער מלחמה פאַרשפּאַרט אין לאַגער פון קאַרטוז־בערעזע), איצט פּראָפעסאָר אין דער קראָקעווער אַקאַדעמיע, דער סקולפּטאָר אברהם שוואַנענפעלד (אומגעקומען בעת דער אָקופּאַציע) א"אַ.

צו „טשאַפּקאַ פריגיסקאַ" האָבן געהערט אַזעלכע קינסטלערס וואָס זענען געווען ענג פאַרבונדן מיט די אַרבעטער־מאַסן, ווי י. פּערעל וואָס האָט געוווינט אין אַ בוידעמשטיבל אויף מילנע־גאַס און דאָרט געמאָלט די אָרעמקייט פון זײַן סביבה, און דער עמפינדלעכער גראַפיקער יחיאל טינאָוויצקי וואָס האָט פאַרלוירן אַ פוס בעת האַלערטשיקעס האָבן אים אַרויסגעוואָרפן פון אַ לויפנדיקן צוג. צו דער גרופּע האָבן געהערט די צוזאָגנדיקע מאָלערס הענריק שערער און דער יונגער אויטאָדידאַקט יוסף הערמאַן און אויך דער סקולפּטאָר חיים האַנפט.

קורץ פאַר דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע האָט זיך אין וואַרשע אָרגאַניזירט אַ גרופּע ייִדישע רעוואָלוציאָנערע פּלאַסטיקערס וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אין דער גרופּע האָבן די הויפּטראָלע געשפּילט חיים האַנפט, אברהם גוטערמאַן, יחיאל טינאָוויצקי, מענדל רײַף א"אַ. זייער טעטיקייט — פּונקט ווי פון אַ סך אַנדערע ייִדישע מאָלערס פון יענער צײַט (מיטן אויסנאַם פון האַנפטן) — איז אויף אַ טראַגישן אופן איבערגעריסן געוואָרן בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע (3).

---

3) וועגן זייער שאַפן אין וואַרשעווער געטאָ וועט זיך רעדן באַזונדער אין דער געטאָ־אָפּטיילונג פון „פנקס וואַרשע".

◆

אפרים קאַגאַנאָווסקי (פּאַריז)

דאס יידישע וואַרשע און י. ל. פּרץ

(ספּעציעל פאַר דעם „פּנקס וואַרשע")

יעדן טאָג אַרום 9 אַ זייגער אין דער פרי האָט זיך פון אַ זײַטיקער גאַס, פון אַ גראָ וואַרשעווער הויז אין דער געדיכטער ייִדישער „גזשיבאָוו"־געגנט, באַוויזן אַ מאַן וואָס האָט זיך מיט קרעפּטיקע און אײַליקע טריט, געטראָגן אין איין ריכטונג: צו דער געדיכטער ייִדישער גזשיבאָווסקע־גאַס, ווּ עס איז געשטאַנען דאָס רויט־ציגלדיקע, סקאַרבאָווע הויז אין אַלט פּויליש סטיל. דאָס איז געווען דאָס הויז פון דער וואַרשעווער ייִדישער „גמינע", וועלכע איז פון אייביק אָן געווען באַהערשט פון צוויי אַלטע ייִדישע קאַסטעס, איינע — די נגידיש־חסידישע, די צווייטע — די ייִחוסדיק־אַסימילאַטאָרישע.

דער מאַן האָט געטראָגן אַ פּויליש־פּריציש טראַכט. אויפן קאָפּ: צו מײַנסט אַ גרינעם יעגערהוט, אויף די אַקסל אַ לאַנגע, ברייטע פּעלערינע וואָס איז מיט דער צײַט באַקאַנט געוואָרן אין דער ייִדישער וואַרשע.

די ענגע ייִדישע וואַרשעווער גאַס האָט פאַר דעם מאַן מיט ערפאָרכט אָפּגעטרעטן דעם וועג, אים נאָכגעקוקט. אַנדערע האָבן אים פרײַנדלעך באַגריסט. דער מאַן איז אין זײַן שנעלן, יוגנטלעכן גאַנג נישט מיד געוואָרן צו ענטפערן אויף די באַגריסונגען. די ייִדישע גאַס האָט געוווּסט אַז דער מאַן איז דער גרויסער ייִדישער שריפטשטעלער און דענקער יצחק לייבוש פּרץ.

אַרום אים איז געלעגן דאָס פעטסטע שטיק ייִדישע וואַרשע, מיטן „גזשיבאָוו" וואָס האָט נאָך געשפּילט מיט אַלע פאַרבן פון די עלטסטע צײַטן אין דער געשיכטע פונעם וואַרשעווער ייִדנטום. כמעט די גאַנצע גזשיבאָווער געגנט איז געווען געבויט דורך די אַלטע, פרומע, ייִחוסדיקע משפחות, די ערשטע תושבים, בעלי־הבתים פון דער ייִדישער וואַרשע, וואָס האָבן אַרײַנגעגרייכט אין די אַלטע, פאַרטונקלטע צײַטן פונעם לאַנד.

טאָג־טעגלעך האָט י. ל. פּרץ דורכגעשפּאַנט די עטלעכע גאַסן פון דעם ראָיענדיקן, געדיכטן ייִדישן פאָלקסלעבן, ביז וואַנען ער איז אַרײַן אין דעם רויטן הויז פון דער וואַרשעווער „גמינע" ווּ ער האָט כמעט אַלע זײַנע יאָרן געאַרבעט ווי אַ אָנגעשטעלטער, וואָרעם די ייִדישע ליטעראַטור האָט נישט געקאָנט באַזאָרגן מיט ברויט איר גרעסטן און באַרימטסטן שריפטשטעלער אין דער מעטראָפּאָליע פון גײַסטיקן ייִדישן שאַפן.

י. ל. פּרץ האָט געאַרבעט אין דער גמינע ווי דער פאַרוואַלטער פונעם קברים־רעסאָרט, ווּ ער האָט אויסגעטיילט קרקעות אויף דעם וואַרשעווער ייִחוסדיקן „גענשער" בית־עלמין. דאָ האָט פּרץ יעדן טאָג געמוזט אָפּזיצן אין זײַן אויפנעם־צימער ביז 3 אַ זייגער. זײַנע קליענטן האָט פּרץ אויפגענומען דורך אַן אויסגעשניטן פענצטערל, ווּ עס האָבן געוואַרט פאַרטרויערטע מענטשן, אבלים פון פאַרשידענעם שטאַנד.

עס זענען געקומען אָרעמע און רײַכע, מענער און פרויען, פון אַלע שיכטן. און י. ל. פּרץ האָט פאַר די לאַנגע יאָרן פון זײַן אַרבעט גוט געקאָנט אַלע טיפּן פון זײַנע אינטערעסאַנטן. ער האָט מיט איין בליק פון זײַנע גליענדיקע אויגן דורכגעדרונגען זײַן קליענט, טרעפלעך אים אָפּגעשאַצט און באַהאַנדלט לויט זײַן מאָראַלישן ווערט.

פּרצעס אַרבעט איז געווען אַ שווערע, אַן אומעטיקע. ער האָט געהאַט צו טאָן מיט מתים, מיט אבלים. אָבער י. ל. פּרץ האָט זײַן אַרבעט באַלעבט מיט זײַן גרויסן שכל און רײַכטום פון גײַסט, און זי פאַרוואַנדלט אין אַ שטודיום פון דעם ייִדישן לעבנסאַרט. דאָס אַלטע ייִדישע סקאַרבאָווע דינגעניש מיט דער חברה־קדישא, וואָס האָט אינעם ייִדישן לעבן געשאַפן אַ סך פאַרווילדעטע אַנעקדאָטן, איז דאָ געלייזט געוואָרן יושרדיק דורך דעם גרויסן ייִדישן האַרץ. דערבײַ האָט י. ל. פּרץ געבליצט מיט זײַנע חריפותדיקע אַפאָריזמען און געשניטן מיט בײַטשן פון זײַן פאָלקסטימלעכן סאַרקאַזם.

פּרץ האָט געקאָנט דעם וואַרשעווער ייִד, זײַן גזע, זײַן קלאַס, שיכט און באַשטאַנד, און ער איז בײַ זײַן אַרבעט געווען האַרט, איבער הויפּט צו דעם ייִדישן טיפּ גביר און קמצן, וועלכן ער האָט אַזוי געשטאָכן מיט זײַן פּעדער אין זײַנע ליטעראַרישע שאַפונגען. דער ייִדישער גביר, וואָס האָט קיינעם גאָרנישט געוואָלט געבן בײַ זײַן לעבן, האָט דאָ, בײַ פּרצעס גמינע־פענצטערל, געמוזט עפענען זײַן בײַטל. און נישט איין מאָל פלעגן זיך דאָ, בײַ דעם פענצטערל, אָפּשפּילן סצענעס, ענלעכע צו די אינעם הימל, פאַר דעם כסא־הכבוד, וועלכע פּרץ האָט באַשריבן אין זײַנע ווערק.

י. ל. פּרץ האָט דאָ געזוכט די גערעכטיקייט וואָס ער האָט נישט געקאָנט געפונען אויף דער „זינדיקער" ערד.

דאָס וואָס פּרץ האָט אַרויסבאַקומען בײַ אַ גביר אַ קמצן, וואָס האָט אַפילו נאָכן טויט אויך נישט געוואָלט גאָרנישט געבן, האָט ער אַוועקגעגעבן אַן אָרעמאַן אָדער אַ בכבודיקן יורד וואָס איז נישט אומשטאַנד געווען צו באַצאָלן פאַר זײַן לעצטער דירה אויף יענער וועלט.

געוויינלעך האָבן זיך די יורשים פון אַזאַ גביר און קמצן מאַסקירט, זיך פאַרקליידט אין אַן אַלטן אָפּגעריסענעם מלבוש, כדי ווינ־

ציקער צו באצאלן פאר דער קרקע אויף דעם יחוסדיקן גענשער בית־עלמין.

עס האט אבער נישט געהאלפן דאס מאסקירן זיך. פרץ האט זיך נישט געלאזט אפנארן, ער האט אין דער צעריסענער קאפאטע דערקאנט דעם גביר וואס האט זיך פארשטעלט פאר אן ארימאן.

י. ל. פרץ האט ביי זיין מאקאברישער ארבעט, ביים פארקויפן קרקעות אויפן בית־עולם אין דער גמינע, אויך ארויסגעוויזן זיין באפליגלטן עספרי.

י. ל. פרץ האט שוין געוווסט אין וואס עס גייט, און די שפיל האט זיך אנגעהויבן.

דער ייד דערציילט געווײנלעך מיט א געבראכן קול וועגן דעם געשטארבענעם פאטער אדער שווער, אז ער איז געווען א צדיק... נאר נעבעך... אן ארעמאן... פרץ פרעגט דעם נאמען, דעם אדרעס, און זאגט:

— אזוי... ברוך דיין האמת... טאקע... א שיינער ייד...

פרץ ווייסט שוין אז דער ייד וואס האט פארלאזן די זינדיקע וועלט איז געווען דער אייגנטימער פון א פאר הייזער אין ווארשע, און ער פרעגט:

— נו?... ווי אזוי האט ער געוווינט? עפעס א גרויסע דירה?... וויפל האט ער געצאלט דירה־געלט?...

— הם... ער האט געצאלט... נישט קיין סך...

— אפשר האט ער גארנישט געצאלט?...

— כ'מיין... פאר וואס...

— כ'ווייס... דערפאר... ווייל... אפשר האט ער געוווינט אין זיין אייגן הויז... א שיין הויז... איך קאן עס...

דער קליענט איז געפלעפט, און פרץ זאגט:

— א גאנץ לעבן האט ער גענומען דירה־געלט... פאר שלעכטע דירות... ביי ארעמע־לייט... איצט וויל ער האבן אן אייגענע... גוטע דירה... אומזיסט... ווו איז דער יושר...

די אלע פרצעס ווערטלעך האבן קורסירט אין אלע קרייזן פון דער יידישער באפעלקערונג אין ווארשע.

אין דעם ערשטן שטילן ,בכבודיקן מענטש, וואס איז צוגעקומען צו פרצעס פענצטערל, האט פרץ באלד דערקענט א געדרוקטן אבל אין צער וואס האט שטיל געפרעגט וויפל ער דארף באצאלן.

י. ל. פרץ האט אים אפגעהאקט מיט זיין הארטער ווי קנאקעדיקער שטים:

— גארנישט...

און ער האט צוגעגעבן:

— עס האט שוין אן אנדערער באצאלט...

דער ווארשעווער חסידיש־נגידישער „גזשיבאוו”, וואס איז געווען באוווינט פון די אלטע יחוסדיקע משפחות, די פאקטישע בעלי־הבתים פונעם פוילישן יידנטום צו יענער צייט, האט געקוקט אויף דעם פריצישן גמינע־אנגעשטעלטן י. ל. פרץ ווי אויף א למדן אן אפיקורס, ווי אויף א מוסטער פון דעם וואס עס קומט ארויס פון א משכיל וואס לאזט זיך אריין אין „גוייִשקייט”.

זיי האבן געקוקט אויף אים ווי אויף א קונצן־מאכער, וואס שרייבט טרייף־פסולע ביכלעך.

זיי האבן אבער נישט געוווסט דערפון אז זייערע געהיטענע זין און טעכטער, אונטער די שטרענגע קאנאנען פון חסידות און פרומקייט, בענקען נאך דער געשטאלט פון דעם פריצישן ייד, וואס האט געטראגן אין זיך אפשר דאס הייסטע יידישע הארץ, פאר דער גאנצער וועלט, פאר דער גאנצער מענטשהייט.

די בעלי־הבתים פון דעם ווארשעווער „גזשיבאוו” און די רבנים וואס האבן אונטערגעהאלטן די מאכט איבערן פאלק האבן נישט געוווסט אז דער גמינע־אנגעשטעלטער י. ל. פרץ מיט זיין כישוף־ניגון רופט ארויס זייער יוגנט, פירט זיי ארויס צו ליכט, צו וועלט, צו פרייהייט. און זיי גייען ווי לונאטיקערס נאך אים, צו דער נייער צייט, צו דעם נייעם לעבן.

די יידישע פאלקסטימלעכע אינטעליגענץ האט שוין צו יענער צייט אנגעהויבן לעבן מיט דעם גייסט פון דעם באשיידענעם „אנגעשטעלטן” פון דער ווארשעווער גמינע. נאך האלב פרומע, פארפלאנטערטע און בלאנדזשענדיקע אין זייערע וועגן צו דער וועלט, האבן זיי דארשטיק געטרונקען יעדעס פרצעס ווארט, יעדן זיין געדאנק.

יצחק לייבוש פרץ איז געגאנגען מיטן קאפ אין הימל, ווו ער האט געהאט זיינע גרויסע חשבונות מיט גאט, דעמאלט ווען זיינע פיס האבן געטרעטן אויף דער פוילישער ערד, ווו עס האבן געוואנדלט די וווּנדערבארע צדיקים וואס האבן געשלעפט דעם שווערן וואגן פון הויכער יידישקייט פון ווייטע וועגן, וועלכע האבן געגרייכט צום אנהייב פון יידישן גאנג.

דאס האבן געפילט די פשוטע יידן אויף די גאסן פון ווארשע.

זיי האבן געוווסט אז דער פריצישער ייד אין דער פעלערינע, כאטש ער איז נישט פרום איז ער דער שטאלצער ריטער פון דער העכסטער, גייסטיקער יידישקייט.

פון א זייגער 3 ביי טאג איז י. ל. פרץ געווארן אויס גמינע־אנגעשטעלטער, און מיר זעען אים אין זיין קאבינעט ביי זיין שרייבטיש, וואס איז באשטעלט מיט חפצים פון יידישן סטיל און געמיט. די שטענדיקע זילבערנע אלטע יידישע לייכטערס, בשמים־ביקסן, בילדער פון יידישע מאלערס אויף די ווענט, און ספרים, ספרים פון אלע זייטן.

אין פרצעס באשיידענער דירה, וואס איז באשטאנען פון דריי אדער פיר צימערן אין א זייטיק, אומעטיק הויז אויף דער צעגלאנע גאס 1, איז נאר דער קאבינעט מיט דעם שרייבטיש געווען באהויכט מיט דער פרץ־געשטאלט, ווארעם אין דעם קאבינעט ביי דעם שרייבטיש איז ער דורכגעגאנגען די מערסטע צייט פון זיין לעבן און שאפן. און עס איז נישט געווען אין די יארן קיין געשטאלט אין דער יידישער קולטור־וועלט וואס זאל נישט האבן באטרעטן די שוועל פון דעם פרץ־קאבינעט.

אין דער צייט פון טאג האבן מיר שוין י. ל. פרצן געזען גאר אן אנדערן.

דא האט גערוט אויף אים א יום־טובדיקע ליכט, און עס האט זיך געדאכט אז דארט, ביי דעם גמינע־פענצטערל, איז געזעסן גאר אן אנדערער פרץ.

פון דער שעה אן האט שוין פרצעס טיר נישט גערוט. ווי ביי א באוווּסטן דאקטאר אין די אויפנעם־שעהען האבן זיך צו פרצעס

טיר געצויגן, אחוץ קאָלעגן שרײַבערס און פּערזענלעכקייטן פון דער קולטור־משפּחה, אויך צענדליקער מענטשן פון פאַרשידענעם טיפּ; סטודענטן, בחורים און מיידלעך, יונגע־לײַט קורץ און לאַנגגעקליידעטע פון פאַרשידענעם קלאַס און שטאַנד.

דאָס זענען אַלץ געווען מענטשן וואָס זענען געקומען צו פּרצן, טייל נאָך שרײַבערישע הסכמות, טייל מיט „טיפע" פּראָבלעמען: וועגן לעבן, וועגן מענטשן און אויך וועגן גאָט. אין יענע טעג, ווען די וועלטלעכע יִדישע קולטור האָט געשטייגט פון טאָג צו טאָג און עס האָט זיך אָנגעטראָגן דער רענעסאַנס אויף אַלע געביטן פון יִדישן שאַפן, האָט אַלץ געשטראָמט צו פּרצעס טיר.

י. ל. פּרץ האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אַלץ נײַע און גרויסע טאַלאַנטן. ער איז אַנטקעגנגעלאָפן יעדן נײַ־געקומענעם. אַליין געלאָפן עפענען די טיר.

ער האָט געוואַרט, ווי עס וואַרט אַ קעמפער אויף פאַרשטאַרקונג. ער האָט באַדאַרפט אַז די מחנה וואָס שלאָגט זיך פאַר דער יִדישער פאָלקסקולטור זאָל זײַן וואָס צאָליקער, ווײַל ער איז לאַנגע יאָרן געשטאַנען עלנט, אַרומגערינגלט מיט שינאה מצד די מעכטיקע אַסימילאַטאָרן, און מיט איגנאָראַנץ און פאַרלייקענונג מצד די קעגנערס פון דער יִדישער פאָלקסשפּראַך.



י. ל. פרץ ביי זיין שרייבטיש

עס זענען געווען די יאָרן פון דעם גרויסן פּוילישן, פאָלקישן ראָמאַנטיזם, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַן עלעגיש געזאַנג אין דער ליטעראַטור און קונסט. די גאַנצע פּוילישע קולטור האָט אויסגעוויינט אירע בענקשאַפטן צו באַפרײַונג אין אַ צעקלעמטן טאָן, וואָס האָט זיך איבערגעגעבן אויך דעם יונגן יִדישן דור אין זײַן זוכן דעם וועג צו דער וועלט.

די אַלע וואָס זענען געטריבן געוואָרן צו פּרצעס טיר האָבן ברעה געהאַט צו זײַן פון גאָט געבענטשטע טאַלאַנטן, גרויסע קינסטלערס, שרײַבערס און דענקערס. צו מײַנסטן אָבער זענען דאָס געווען פאַרבלאָנדזשעטע מאַניאַקישע יונגע־לײַט, מעלאַנכאָליקער וואָס האָבן מורא געהאַט איבערצורײַסן מיט די פרומע, אויסגעוואַרעמטע, פאַרמעגלעכע היימען. עס זענען אויך געווען אָפּגעשטאַנענע פון די צעגראָמירטע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, נאָך דער גרויסער רעאַציע, מענטשן וועלכע עס האָט געלאָקט די דערהויבענע יום־טובדיקייט פון אַ שעפערישער אַטמאָספער.

וועגן זײַן וואַרטן און אַנטקעגנלויפן יעדן יונגן־מאַן, וואָס האָט אָנגעקלאַפּט אין זײַן טיר, האָט י. ל. פּרץ אַ מאָל געזאָגט:

— איך וואַרט... עס מוז דאָך קומען דער באמת גרויסער... האָב איך נישט קיין געדולד צו וואַרטן... פּונקט אַזוי ווי די כּעלעמער יִדן... וואָס כאַפּן זיך אַלע מאָל אַרויס הינטערן שטאָט... אַ קוק טון... צי עס איז נישט אַ מאָל געקומען משיח...

עס איז שווער הײַנט איבערצוגעבן די כּשופדיקע ווירקונג פון פּרצעס אַ וואָרט צו יענער צײַט. די מאָראַלישע קראַפט פון פּרצעס משפּט איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָט געקאָנט געבן אַלץ אין איין טאָג, מאַכן פון איינעם אַ באַרימטקייט אָדער צונעמען בײַ אים אַלע האָפענונגען, אַרײַנוואַרפן אים אין דעם פינצטערן קעלער פון רומלאָזיקייט.

פאַרשטייט זיך אַז דאָס אַלץ וואָס מען האָט צו יענער צײַט געקאָנט באַקומען איז געווען נאָר אַ מאָראַליש פאַרמעגן, וואָס האָט נישט געשטערט אַרומצוגיין הונגעריק מיט צעריסענע שיך. קיין ליטעראַרישע פּרעמיעס און סטיפּענדיעס האָט די יִדישע ליטעראַטור נישט פאַרמאָגט. פּרץ אַליין האָט, ווי געזאָגט, געמוזט אַ האַלב פון זײַן שעפערישער צײַט אַוועקגעבן זײַן טרוקענער אַרבעט אין דער גמינע.

י. ל. פּרץ האָט אָבער געהאַט אין זיך די קראַפט צוצובינדן אַ פּאָר פליגל, געבן האָפענונג און גלויבן, אַזאַ גלויבן וועלכן ער אַליין האָט געטראָגן אין זיך, אַז די יִדישע ליטעראַטור איז אַ זאַך פאַר וועלכער עס איז ווערט אָפּצוגעבן אַ לעבן.

אין דער הינזיכט איז י. ל. פּרץ געווען אַן אויסנאַם צווישן די ערשטע יִדישע גײַסטער. עס איז געווען מערקווערדיק פון וואַנען פּרץ, וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער סאַמע יִדיש־טראַדיציאָנעלער, בירגערלעכער טיפעניש, האָט גענומען אַזוי פיל פיעטעט פאַר קונסט.

ווּ האָט ער גענומען כּוח און גלויבן אַרומצוגיין אַזוי פיל יאָרן איבער דעם רעשיקן „גזשיבאָוו", איבער דער פעסטונג פון תורה, געלט און האַנדל, זינגענדיק דאָס געזאַנג פון קונסט און פאָרעם.

אויף וויפל י. ל. פּרץ איז געווען פרעמד, אויף וויפל ער האָט פײַנט געהאַט דעם קרעמער און נישט געגלויבט אַז דער הענדלער וועט געבן דעם פאָלק וועלכע עס איז שעפערישע ווערטן, באַווײַזט די קליינע סצענע בײַ פּרצן אין קאַבינעט, אין די נאָכניטאָג־שאָהען.

אויף דער שוועל בלײַבט שטיין אַ דערשראָקענער יונגער־מאַן. פּרץ הייבט זיך אויף, זײַן קרעפטיקן מויל אונטער די שווערע, פּוילישע, פּריצישע וואָנצעס איז האַלב אָפן און צעשמייכלט. די שטענדיקע עטלעכע געסט בײַ פּרצן, מיט דעם אַלטן נאָענטסטן פרײַנד יעקב דינעזאָנען וואַרטן אויף פּרצעס פּסק איבער דעם נײַעם שרײַבערישן קאַנדידאַט.

— וואָס וועט איר זאָגן... — פרעגט פּרץ.

— כ'וואָלט געוואָלט... ווײַזן אַ ליד...

— און קיין פּראָזע... שרײַבט איר נישט...

— איך שרײַב פּראָזע אויך...

— רעדט העכער... ווײַזט מיר בעסער... פּראָזע...

פּרץ האָט פײַנט ווען מען רעדט נישט הויך און דײַטלעך.

דער יונגער־מאַן נעמט אַרויס עטלעכע פּאַפּירלעך; פּרץ כאַפּט עס אים פון דער האַנט:

— פאַר וואָס שרײַבט איר... אַזוי שפּיציק... נאָך וואָס ציקט איר... וואָס זענט איר...

— אַ בוכהאַלטער...

פּרץ טוט אָן די האַלבע ברילן און לויפט דורך די עטלעכע ערשטע שורות:

— ווי איז אײַער פאַמיליע־נאָמען...

בײַ פּרצן האָט אויך געשפּילט אַ ראָלע דער פאַמיליע־נאָמען פון אַ שרײַבער. ער האָט געהאַלטן אַז אַ מענטש וואָס טראָגט אַן אויסגעדראָשענעם פאַמיליע־נאָמען קאָן נישט האָבן קיין טאַלאַנט. דעם יונגען־מאַנס פאַמיליע האָט, זעט אויס, געמאַכט אַ שלעכטן אײַנדרוק. דאָס זעט מען שוין אויף פּרצעס געזיכט. זײַנע וואָנצעס האָבן אויפגעהערט שמייכלען און זײַנע ווערטער קלונגען טרוקן און פרעמד:

— זעצט אײַך... און לייענט...

דער יונגער־מאַן הייבט אָן מיט אַ בלייך, פאַרבלאָזן קול. נאָך עטלעכע שורות שטעלט אים פּרץ אָפּ:

— גענוג... איר האָט לײַדער נישט קיין טאַלאַנט... איר דאַרפט נישט שרײַבן... אַ שאָד אײַער צײַט... אײַער לעבן... מיט וואָס האַנדלט אײַער פאָטער...

— מײַן פאָטער האָט אַ געוועלב...

— און נישט מער?... אַ שאָד... איר זעט גאָרנישט... ווען אין אײַער שטוב וואָלט געווען אַרבעט... ווען אײַער פאָטער וואָלט געווען אַ שוסטער... אַ שנײַדער... וואָלט געווען אַרבעט... אָרעמקייט... קאַמף פאַר ברויט... וואָלט געווען פרומקייט... אַ גלויבן... אַ גאָט... אָבער אַ געוועלבל... איר האָט נישט וואָס צו דערציילן... איר וועט אויך האָבן אַ געוועלבל...

בײַ אַזאַ סצענע איז געוואָרן אומהיימלעך שטיל. אויך פּרץ, וואָס איז בטבע געווען אַ פרײַנדלעכער מענטש, איז דערבײַ בלאַס געוואָרן און זײַנע וואָנצעס האָבן אויפגעשפּילט מיט אַ דינעם ציטער פון אומבאַקוועמען געפיל. דערנאָך האָט זיך פּרץ פאַרענטפערט פאַר זײַן אַלטן פרײַנד דינעזאָן;

— מען טאָר נישט אין די פאַלן... זײַן מילד... דינעזאָן... מען מוז אָפּשנײַדן מיט אַ מאָל... ווען נישט, צעברעכט מען יענעם דאָס לעבן... בײַ ליטעראַטור דאַרף מען צו אַ נישט באַרופענעם... נישט זײַן קיין מאַמע... נאָר אַ... טאַטע... אַ מאַמע פאַרדעקט די שלעכטע גענג פונעם קינד... און מיינט אַז זי טוט אים אַ טובה... בעסער געבן אַ ריינעם שניט... וואָס טוט ווי... איידער פאַרבונדן מיט אַ ווײַס מאַמעטיכל... אַן אומריינעם בלאָטער...

האָט אָבער י. ל. פּרץ אין וועמען דערזען אַ פונקט פון גײַסט און טאַלאַנט, האָט אַלץ אַרום אויפגעשפּילט. עס איז געוואָרן יום־טובדיק און ער איז גרייט געווען אַזעלכן אַרומצורינגלען מיט דער גרעסטער זאָרגפעליקייט.

יצחק לייבוש פּרץ איז אַחוץ זײַן נישט פאַרטרעטלעכער גרויסקייט אין דער יִדישער פאָלקס־ליטעראַטור, אויך פאַרבליבן דער סימבאָל פונעם גרויסן פּוילישן יִדנטום, ווי אַ מעטעאָר וואָס איז געשיקט געוואָרן פון אַ גרויסער הייך, צו זײַן צײַט, אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט פון דער טויזנטיעריקער יִדישער באַזעסנקייט.

פּרץ איז געקומען איבערנעמען די מאַכט פון די קאַרגע, רבנישע הענט, וואָס האָבן הונדערטער יאָרן פאַרפרעמדט דעם יִדישן פאָלקסמענטש צו דער וועלט, פאַרשרעקנדיק גראָד די צום מיינסטן בעוולטע מיט דער שטראָף אויף יענער וועלט.

י. ל. פּרץ האָט פּאַראַפראַזירט אַלע גײַסטיקע ווערטן פון דער רעליגיעזער פאַנטאַזיע לטובת די אָרעמע, און איבערגעלאָזט דעם גיהנום פאַר די נישט־גערעכטע.

ער האָט עס געטאָן נישט זײַענדיק קיין סאָציאַליסט. ער האָט געטאָן ווי אַ קינסטלער פון אַ הויכער מדרגה.

י. ל. פּרץ איז געווען דער רעוואָלוציאָנער פון דער יִדישער פאָלקס־נשמה. דערפאַר האָט ער געהאַט אַזאַ גרויסן רעזאָנאַנס, וואָס איז ווײַט אַריבערגעשטיגן די מאָסן פון אַ שריפטשטעלער און קינסטלער.

י. ל. פּרץ איז געווען דער פירער פון דעם באַפרײַטן יִדישן וועלטגעדאַנק אין זײַן צײַט.

אינעם יאָר פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען נאָך הונדערטער יאָרן באַזעסן יִדיש לעבן אין פּוילן האָבן זיך איבער די גאַסן פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט באַוויזן די טויזנטער וואַנדערנדיקע יִדישע משפחות, פאַרטריבענע דורך דער צאַרישער מאַכט, פון זייערע היימען בײַ די ברעגן פונעם לאַנד; ווען דאָס פאָרבילד פון חורבן האָט באַוויזן ווי הפקר דאָס יִדישע באַזיץ און לעבן קענען ווערן, האָט י. ל. פּרץ אויסגעטון די יום־טוב־קליידער פון זײַן הויכער דיכטונג און זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן דער אַרבעט פון באַזאָרגן די היימלאָזע. זײַן קראַנק האַרץ האָט זיך אָפּגערופן מיט גרויסער ליבע צום געפּלאָגטן פאָלק.

צום מיינסטן האָט פּרצן געפּײַניקט דער ווייטאָג און דאָס רחמנות צו די געפּלאָגטע יִדישע היימלאָזע קינדער פון די וואַנ־

דערנדיקע „ביעזשענצעס״, און ער האָט אויף זיך גענומען די שווערע אַרבעט פון באַזאָרגן מיט היימען אין דער ערשטער ריי די קינדער.

פּרץ האָט דערין אַרײַנגעטאָן זײַן גאַנצע אויטאָריטעט, ענערגיע און שטורעמדיקן טעמפּעראַמענט, נישט געקוקט אויף זײַן האַרץ און עלטער. צוזאַמען מיט זיין אייביקן באַגלייטער, דעם אַלטן קינדערפריינד, דעם מחבר פון „הערשעלע״ און „יאָסעלע״ יעקב דינעזאָן, האָט ער געגרינדעט די ערשטע קינדערהיימען אין וואַרשע.

י. ל. פּרץ האָט נישט גערוט. ער איז געלאָפן פון איין קינדערהיים אין דער אַנדערער, וואָרעם די קינדער זענען געוואָרן זיינע.

ער האָט געגלויבט אַז אין דעם ייִדישן קינד, אין דעם קומענדיקן, וועלטלעכן דור, וועט די ייִדישע ליטעראַטור האָבן דעם לייענער.

דערנאָך האָט פּרץ גענומען זאָרגן פאַר דער גײַסטיקער שפּײַז פאַר זײַנע קינדער. ער האָט אַוועקגעלייגט זײַנע גרויסע שאַפונגען און געווידמעט זײַן גרויסע פעדער דעם פּשוטן, פּרימיטיוון ליד פאַר דעם ייִדישן קינד.

און אין אַ מײַ פאַר טאָג, אינעם יאָר טויזנט נײַן הונדערט פופצן, אין מיטן דעם שפּינען אַזאַ קינדערליד, איז אויסגעלאָשן געוואָרן זײַן גרויס האַרץ.

ווער עס האָט געזען וואַרשע נאָך דעם חורבן, דאָס ייִדישע וואַרשע ווי אַ ריזיקער קבר פון לעבעדיק באַגראָבענע מיליאָנען ייִדן — ווער עס האָט פאַרנומען די שטילקייט פון דער אויסגעשטאָרבענער וועלט, דער איז צוגעפאַלן מיט זײַן קאָפּ צו דעם איינציק פאַרבליבענעם לעבעדיקן צייכן אינעם ייִדישן וואַרשע. דאָס איז דער גענשער בית־עולם, וווּ עס וואַכט דער מאָנומענטאַלער אוהל־פּרץ. דאָ בײַ דעם שטיין, פילט איר אַז דער מיטלפּונקט פון דער לעצטער, וועלטלעכער תקופה אין דעם פּוילישן ייִדנטום איז אָט דער שטיין.

דאָ איז דער קווינטעסענץ פון אַ געזאַמלטן גײַסט־אוצר פון אַ טויזניאָריק באַזעסן ייִדיש לעבן אויף דער פּוילישער ערד.

יצחק לייבוש פּרץ.

י. ל. פּרץ האָט געגלויבט אַז ער איז אַ שרײַבער נישט נאָר פון זײַן צײַט.

אויך מיר די ייִנגערע שרײַבער, האָבן נישט געגלויבט אַז י. ל. פּרץ וועט בײַ אונדז דערמאָנט ווערן נאָר אין די פּרץ־טעג, — בעת די „פּרץ־טעג״ צו זײַן יאָרצײַט.

פּרץ האָט געטרוימט און געגלויבט אַז יעדעס ייִדיש קינד פון אַ ייִדישער פאָלקסשול וועט וויסן וועגן אים מער ווי עס ווייסן איצט טויזנטער ייִדן וועלכע האָבן פון זייער שטוב פאַריאָגט דעם קלאַנג פון פּרצעס שפּראַך און דעם פלאַמיקן אָטעם פון זײַן גײַסט.

יצחק לייבוש פּרץ האָט געגלויבט אַז עס וועט קומען זײַן אייביק גרויס לעבן, וואָס פעלקער גיבן זייערע שרײַבער נאָכן טויט.

ווײַל אייביקייט און אומשטערבלעכקייט קאָן געבן נאָר אַ פאָלק.

יעקב מעסטל — (ניו־יאָרק)

ייִדישע שוישפּילער פון וואַרשע און אומגעגנט

(סכעמע פאַר אַן אַרבעט)

אין אַ קאָרעספּאָנדענץ פון 26טן יולי 1838 צו דער לײַפּציגער „אַלגעמיינע צײַטונג דעס יודענטומס" ווערט דערציילט: „וואַרשע פאַרמאָגט אַ יִדיש טעאַטער, וווּ מען שפּילט פּיעסעס פון דער נאַציאָנאַלער געשיכטע אין יִדיש־דײַטשן דיאַלעקט (בכן — יִדיש!). אָבער אפילו דער גרויסער פּוילישער טעאַטער האָט צווישן זײַנע בעסערע אַקטיאָרן ייִדן — — — דער אָנפירער פון דעם דערמאָנטן (יִדישן) טעאַטער אין וואַרשע איז איזאַק שוישפּילער (דעם נאָמען האָט ער אַליין אָנגענומען מיט עטלעכע יאָר צוריק). ער איז גלײַכצײַטיק אויך דער מחבר פון עטלעכע נישט־געדרוקטע ווערק פאַר דער בינע אין דײַטש־יִדישן דיאַלעקט. זײַן פּיעסע „משה", אין שילערס סטיל, איז פול מיט סאַמע געהויבענע געדאַנקען". און אין אַ באַריכט פון 4טן דעצעמבער 1838 (געשריבן דעם 12טן נאָוועמבער 1838) אין דעם פראַנצויזישן „זשורנאַל דע פראַנקפאָרט" ווערט דערציילט, אַז דאָס טעאַטער האָט זיך „געעפנט דעם לעצטן מאָנטיק (5טן נאָוועמבער 1838) מיט אַ דראַמע אין פינף אַקטן, טייל אין גראַמען, טייל אין פּראָזע, מיטן טיטל „משה". דאָס איז דער ערשטער דראַמאַטישער פּרוּוו פון אַ יונגן, זייער פעיִקן אַקטיאָר און שרײַבער, ה' איזאַק שערצשפּילער (שוישפּילער?) פון ווין. ער אַליין האָט אויסגעשפּילט די הויפּטראָלע, און אים איז פּראָוויזאָריש אָנגעטרויט געוואָרן די אָנפירונג פונעם טעאַטער. אַלע זענען מסכים אַז אין דער פּיעסע געפינט מען גוט־געשילדערטע כאַראַקטערן, עטלעכע סיטואַציעס מיטן העכסטן גראַד דראַמאַטיזם, און אַ שפּראַך, וואָס דערמאָנט צײַטנווײַז די געהויבענע פּשטות פון ביבלישן סטיל. די פּיעסע איז אויפגענומען געוואָרן מיט זייער גרויס פרײַנדלעכקייט, די צוזעער האָבן דרײַ מאָל אַרויסגערופן דעם יונגן מחבר, און מען האָט אים באַגריסט מיט איינשטימיקע אַפּלאָדיסמענטן."

צום באַריכט איז נאָך צוגעגעבן: „אין אַלגעמיין פאַרשפּרייט זיך אין וואַרשע אַלץ מער דער געשמאַק אין טעאַטער־פאָרשטעלונגען. אין דעם מאָמענט האָט די שטאָט נישט ווייניקער, ווי נײַנצן טעאַטערס פון אַמאַטאָרן." (ציטירט לויט ד"ר מאַקס ווײַנרײַך — זע: שלום פּערלמוטער — יִדישע דראַמאַטורגן און טעאַטער־קאָמפּאָזיטאָרן, ניו יאָרק, 1952, ז"ז 27-28).

איזאַק שוישפּילער (אָדער שערצשפּילער — בדחן?) איז אַזוי אַרום דער ערשטער באַקאַנטער יִדישער שוישפּילער אין וואַרשע.

אין 1885 שפּילט אברהם גאָלדפאַדען „יִדיש־דײַטש טעאַטער" אין וואַרשע (אין דעמאָלטיקן טעאַטער „בוף") צוזאַמען מיט אברהם טאַנצמאַן. אָט דער אברהם־יעקב טאַנצמאַן (1857-1906), אַליין אַ וואַרשעווער, איז דער ערשטער באַדײַטנדיקער יִדישער אַקטיאָר וואָס וואַרשע האָט אַרויסגעגעבן. ער שפּילט מיט דערפאָלג אין גאָלדפאַדען־רעפּערטואַר („אחשורוש", פּאַפּוס אין „בר־כוכבא" א"א.) און ווערט אויך שפּעטער (1890) פּאָפּולער אין אַמעריקע, באַזונדערס מיט זײַן אויפפירונג פון „שולמית" אין קאַליפאָרניע. טאַנצמאַן איז געווען דער פאַרפאַסער פון די פּיעסן „שמשון הגבור", „קאַפּיטאַן דרײַפוס" און פון פיל איינאַקטערס. אויך זײַן זון יאָזעף, געבוירן אין וואַרשע, איז געווען אַ יִדישער אַקטיאָר, ליברעטיסט און מוזיק־פאַרפאַסער פון די אָפּערעטעס „דער גלות", „דער פּראַגער גולם", „דאָס גאָלדענע האַרץ", „די גאָלדענע כלה", „זיסע ליבע" א"א.

וואַרשע האָט אויך אַרויסגעגעבן איינעם פון די פּאָפּולערסטע יִדישע אָפּערעטן־קאָמיקער בערל בערנשטיין (בורשטין, 1860-1922). לויטן זשאַנר אַ בורלעסק־אַקטיאָר, האָט ער אָבער אויך געשפּילט אין ליבינס און גאָרדינס פּיעסעס און איז אפילו געווען פּאָפּולער אַלס שמאַי אין גאָרדינס „יִדישער קעניג ליר" (מיט יעקב פּ. אַדלער).

צו יענעם פּעריאָד געהערט אויך דער וואַרשעווער מרדכי־חיים טיטעלמאַן (1872-1921), וועלכער איז געווען שוישפּילער, רעזשיסער און דערציִער פון אַ ריי יִדישע שוישפּילער.

איינער פון די באַדײַטנדיקסטע יִדישע שוישפּילער, אויך אַ וואַרשעווער, איז געווען דער קדוש אַ. סאַמבערג (יצחק־אײַזיק סאַמבאָרעק, 1889 — אַרום 1942), דער „קרול" (קעניג) פון יִדישן טעאַטער, ווי ער פלעגט זיך רופן. הגם אַ היפּשע צײַט געשפּילט אין דער אָפּערעטע, געהערט ער אָבער (בפרט זינט 1920) צום ריין־דראַמאַטישן יִדישן טעאַטער, וווּ ער האָט געגעבן קרעאַציעס פון אַזעלכע ראָלן, ווי שלום אַשס „מאָטקע גנב", גאָגאָלס „רעוויזאָר". דערנאָך (מיט דער „ווילנער טרופּע") שימעלע סאָראָקער אין שלום עליכמס „דאָס גרויסע געווינס", מאָליערס „דער קאַרגער", דער לץ אין פּרצס „בײַ נאַכט אויפן אַלטן מאַרק", שעקספּירס „שײַלאָק", לינדויס „פּראָקוראָר האַלערס", ראָבעספּיער אין ביכנערס „דאַנטאָנס טויט", דוויד בערגעלסאָנס „דער טויבער" א"א. אין די דאָזיקע ראָלן האָט ער אויך גאַסטראָלירט איבער דער פּוילישער פּראָווינץ און אין נאָרד־ און זיד־אַמעריקע. ער האָט אויך געשפּילט דעם משולח אין יִדישן פילם „דער דיבוק" פון ש. אַנסקי, און יאַנקל צימבאַליסט אין פּוילישן פילם „פּאַן טאַדעוש" פון אַדאַם מיצקעוויטש. סאַמבערג איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון וואַר־

שעווער צענטראַל־טעאַטער, און פּאַרוואַלטונגס־מיטגליד און פּאָרזיצער פון אַמאָליקן ייִדישן אַרטיסטן־פאַראיין אין פּוילן. ער איז אומגעקומען אין אַ נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער.

צווישן די עלטערע אַנערקענטע ייִדישע שוישפּילער פון וואַרשע איז געווען יעקב ליבערט, (1874־?1919) וועלכער האָט נאָך געשפּילט מיט אברהם גאָלדפאַדען. אַרום 1890 גרינדעט ער (צוזאַמען מיט אסתר־רחל האַלפּערן, די שפּעטער באַרימטע אסתר־רחל קאַמינסקי) אַ דראַמאַטישן קרײַז אין וואַרשע. צוויי יאָר שפּעטער שפּילט ער שוין דאָרט „ייִדיש־דײַטש טעאַטער", און וואַנדערט דערנאָך 11 יאָר מיט אברהם פישזאָנס טרופּע איבער גרויסרוסלאַנד. אָבער זײַן קאַריערע, ווי אַ דראַמאַטישער אַקטיאָר הייבט זיך אָן ערשט ווען ער, צוזאַמען מיט אסתר־רחל קאַמינסקי, טיילן אָפּ (אין 1905) די דראַמע פון דער אָפּערעטע און זיי גרינדן שפּעטער די „פאַראייניקטע טרופּע", וווּ ליבערט שפּילט די הויפּטראָלן אין גאָרדין־ליבין־קאָברין־רעפּערטואַר, ווי אויך אין איבסענס „נאָראַ", זודערמאַנס „היימאַט" א״א. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע גאַסטראָלירט ער איבער אוקראַיִנע און איז שפּעטער (1920) דער מיטגרינדער פון ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין קיִעוו.

ליבערט איז שוין פאַרבליבן אין ראַטן־פאַרבאַנד, וווּ ער איז געשטאָרבן — אַ געפּײַערטער עמעריט און מיטן טיטל „פאַרדינסטפולער אַרטיסט", צוריק מיט עטלעכע יאָר.

אַ גרופּע ייִדישע אַרטיסטן פון וואַרשע

די פאָן פון וואַרשעווער ייִדישן טעאַטער זענען די שוישפּילער־פאַמיליעס קאַמינסקי און טורקאָוו.

אברהם־יצחק קאַמינסקי (1867־1918), געבוירן אין וואָלע (אַ פאָרשטאָט פון וואַרשע) איז געווען שוישפּילער און דירעקטאָר פון טרופּעס, אין וועלכע עס האָבן געשפּילט אַ סך באַקאַנטע אַקטיאָרן. ער האָט אויך געשריבן פּיעסעס, צווישן אַנדערע די קאָמעדיע „ייִדישע אַקטיאָרן אויף דער רײַזע" און איבערזעצט אויף ייִדיש גאָרקיס „אויפן דעק", שילערס „רויבער", מאָליערס „דער אײַנגעבילדעטער קראַנקער" א״אַ.

זײַן פרוי, אסתר־רחל קאַמינסקי (1870־1925), ווערט באַטראַכט ווי די „מאַמע פון ייִדישן טעאַטער" אין פּוילן. „זי האָט געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע אין ייִדישן טעאַטער־לעבן אין פּוילן — שרײַבט יצחק גרודבערג — דער טאַלענט פון אסתר־רחל קאַמינסקי איז געווען פון אַ באַזונדערער קוואַליטעט — — — בײַ דער אַבסאָלוטער נישט־צוגעגרייטקייט אירער אין פּרט פון בילדונג, האָט דאָך עמאַנירט פון איר, אַ כוח פון אוממיטלבאַרן אויסדריקן די אינערליכע געפילן־וועלט, דעם אינערלעכן אמת פון איבערלעבונגען." קיין ווּנדער נישט וואָס אירע גאַסטשפּילן אין אַמעריקע האָבן געמאַכט אַזאַ רושם. קודם־כל ווי אַ גלענצנדיקע גאָרדין־שוישפּילערין. דערצו האָט זי אויך געהאַט אין איר רעפּערטואַר פון מאָליער, גאָרקי, דיומאַ, זודערמאַן, איבסען א״א.

נישט ווייניקער באַרימט איז געוואָרן איר טאָכטער אידאַ קאַמינסקאַ. אַ שוישפילערין פון אָנגעזעענעם באַדײַט, האָט זי באַזונדערס זיך קונה־שם געווען מיט איר רעזשיסירן וויכטיקע אויפפירונגען סײַ אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, סײַ אין פוילן.

אידאַ קאַמינסקאַ איז איצט די אָנפירערין, רעזשיסערין און הויפט־שוישפילערין פון די יִדישע מלוכה־טעאַטערס אין פוילן און איז ערשט נישט לאַנג באַערט געוואָרן מיטן טיטל פאָלקסאַרטיסטין. אויך די באַקאַנטע שוישפילערין דינה האַלפערן איז פון זייער משפחה. מיט אידאַ קאַמינסקאַן האָט אַ לענגערע צײַט מיטגעאַרבעט איר מאַן זיגמונט טורקאָוו. געענדיקט אַ פוילישע דראַמאַטישע שול און געשפילט אַ קורצע צײַט פויליש אין „טעאַטער פאָלסקי”. ער ווערט שפעטער אַנגאַזשירט אין דער קאַמינסקי־טרופע און דערנאָך דער קינסטלערישער לייטער פון טעאַטער „צענטראַל” אין וואַרשע, ווּ ער פירט אויף דעם קלאַסישן און מאָדערנעם יִדישן און וועלטלעכן רעפערטואַר. אין 1926 גרינדעט ער אין וואַרשע דעם „וויקט”. די לעצטע יאָרן האָט ער גאַסטראָלירט ווי אַ שוישפילער און רעזשיסער אין זיד־אַמעריקע, האָט אָנגעפירט אין ריאָ דע זשאַנייראָ (בראַזיל) מיט אַ דאָרטיקער פאָרטוגעזישער טרופע און מיט אַ יִדישן דראַמקרײַז, און איז איצט טעטיק אויפן טעאַטער־געביט אין ישראל.

זיגמונט טורקאָוו האָט רעזשיסירט און מיטגעשפילט אין עטלעכע יִדישע פילמען און האָט איבערגעזעצט אַ צאָל פיעסעס (אייניקע צוזאַמען מיט זײַן געוועזענער פרוי אידאַ קאַמינסקאַ). ער איז אויך געווען מיטרעדאַקטאָר פון די פעריאָדישע אָרגאַנען פון יִדישן אַרטיסטן־פאַראיין אין פוילן און מיטגרינדער פון דעם טעאַטער־מוזיי אויפן נאָמען פון „אסתר רחל קאַמינסקי” אין ווילנע.

אויך יאָנאַס טורקאָוו, אַ ברודער פון זיגמונט, האָט געענדיקט אַ דראַמשולע און צוזאַמען מיט זיגמונטן געגרינדעט „דאָס אַרטיסטישע ווינקעלע”, און שפעטער אַליין — „דאָס באַוועגלעכע דראַמאַטישע טעאַטער”, „די יונגע בינע” און „ווניט” (וואַרשעווער נײַער יִדישער טעאַטער), ווּ ער איז געווען אָנפירער און הויפט־שוישפילער. ער האָט אויך געשפילט די הויפטראָלן אין עטלעכע יִדישע און פוילישע פילמען.

מיטגעמאַכט די גאַנצע היטלער־בהלה אין פוילן, איז ער נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה געקומען אין אַמעריקע, ווּ ער איז פון צײַט צו צײַט טעטיק אויפן יִדישן טעאַטער־געביט. יאָנאַס טורקאָוו האָט אָנגעשריבן אייניקע קאָמעדיעס און איינאַקטערס און איבערגעזעצט פיל פיעסעס, און האָט פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור „וועגווײַזער פאַר דראַמאַטישע קרײַזן” און די צוויי באַדײַטנדיקע ביכער „אַזוי איז עס געווען” און „אין קאַמף פאַרן לעבן”. די פרוי פון יאָנאַס, דיאַנאַ בלומענפעלד, איז אַן אַבסאָלווענטקע פון פעדאַגאָגישע קורסן, פון אַ קאָנסערוואַטאָריע און אַ פוילישער דראַמאַטישער שול. זי האָט געשפילט אין וואַרשעווער צענטראַל־טעאַטער און אין „וויקט” און מיטגעמאַכט דעם זעלבן מאַרשרוט וואָס איר מאַן. אין אַמעריקע טרעט זי אויף מיט קאָנצערט־נומערן און פון צײַט צו צײַט אויך אין טעאַטער־פאָרשטעלונגען. דער יִנגסטער פון די טורקאָווס איז יצחק־בער טורקאָוו־גרודבערג. ער האָט געלערנט אין אַן אַגראַרשול אויף אַ חלוצים־פאַרם, און דערנאָך גענומען שפילן יִדיש טעאַטער, מייסטנס אין דער טרופע פון זײַן ברודער זיגמונט און אידאַ קאַמינסקאַ. טורקאָוו־גרודבערג איז איצט איינער פון די אָנפירער און אַ שוישפילער און רעזשיסער אין יִדישן מלוכה־טעאַטער אין פוילן. ער האָט אַ סך געשריבן וועגן טעאַטער, אַליין געשריבן און אויך באַאַרבעט און איבערזעצט פיעסעס פון

דימאָוו, יושקעוויטש, שענהער, טאָלער, ראָמען ראָלאַן, אָ׳ניעל א״אַ. ער איז דער מחבר פון ווערטפולן בוך „יִדיש טעאַטער אין פוילן” (1951).

צו די בכבודיקע וואַרשעווער געהערן די שוישפילער־שרײַבער אברהם טייטלבוים און מאַרק שווײַד.

אברהם טייטלבוים (1947-1889) האָט אָנגעהויבן ווי אַ סופלער, איז דערנאָך אַריבער אויפן שוישפילער־פאַך (צו ערשט מיט דער קרויִזע־ספיוואַקאָווסקי־טרופע, דערנאָך אין קאַמינסקיס „פאַראייניקטע טרופע”), האָט גאַסטראָלירט שפעטער אין פאַריז, לאָנדאָן, בוענאָס־אײַרעס און אויך אין פוילן. ער איז אַ קורצע צײַט דער אָנפירער פון דראַמאַטישע סטודיעס אין מאָסקווע, מינסק און ווילנע, שפילט מיט דער „ווילנער טרופע” און קומט (1919) ווי אַ גאַסטראָליאָר אין ניו־יאָרקער יִדישן קונסט־טעאַטער, מיט וועלכן ער איז געווען פאַרבונדן אַ לענגערע צײַט.

טייטלבוים איז געווען אויך טעטיק אויפן געביט פון רעזשי און איז געווען שוישפיל־לערער אין אייניקע דראַמסטודיעס, אויך אַ קורצע צײַט אין „אַרטעף”. ער האָט אַ סך געשריבן וועגן טעאַטער, האָט איבערגעזעצט אַ קאַרגע טוץ אייראָפעיִשע פיעסעס און אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער, צווישן זיי „טעאַטראַליאַ” און די 300 זײַטיקע מאָנאָגראַפיע „וויליאַם שעקספיר”. מאַרק שווײַד איז אַ פאָעט סײַ מיט דער פעדער, סײַ אין אייניקע פון זײַנע צאַרטע כאַראַקטער־ראָלן. אַן אַבסאָלווענט פון אַ פוילישער דראַמשול, האָט ער אָנגעהויבן שפילן יִדיש טעאַטער נאָך אין וואַרשע, און איז באַלד אַוועק קיין ניו־יאָרק, ווּ ער איז דאָס רוב פון זײַן קאַריערע געווען פאַרבונדן מיטן ניו־יאָרקער יִדישן קונסט־טעאַטער. שווײַד האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע זאַמלונגען לידער, האָט איבערזעצט אַ ריי פיעסעס און אַליין געשריבן פיעסעס. זינט עטלעכע יאָר איז ער אַוועק פון דער בינע, געוואָרן אַ רעפאָרטער פאַרן „פאָרווערטס” און טרעט גאָר זעלטן אַרויס אויף דער ראַדיאָ. עכטע „וואַרשאַוויאַנקעס” זענען די דרײַ יִדישע אַקטריסעס מיט אַ קאָלירפולער קאַריערע — אַנאַ העלד, פעני וואַדיאַ־עפשטיין און אָליאַ לילית.

אַנאַ העלד (1918-1865) האָט געשפילט מיט יעקב פ. אַדלער אין גאָלדפאַדענס „שולמית” און דינה אין „בר כוכבא”, איז דערנאָך אַריבער מיט גרויס דערפאָלג צום וואָדעוויל אויף פראַנצויזיש, ענגליש און דײַטש (אין פאַריז, לאָנדאָן און בערלין) און אין 1896 אַנגאַזשירט געוואָרן קיין ניו־יאָרק פאַר די דעמאָלט באַרימטע „זיגפילד פאָליס”, ווּ זי ווערט די סענסאַציע פון דער אַמעריקאַנער האַלבקונסט. זי איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק (1918) און געקומען צו קבורה אויף אַ קריסטלעכן בית־עולם. נאָך קאָלירפולער איז די ביאָגראַפיע פון פעני וואַדיאַ־עפשטיין. (1913-1868) אַ שנײַדערס אַ טאָכטער איז זי צו ערשט געוואָרן (1886-85) אַ כאָריסטקע אין לאָנדאָן (צוזאַמען מיט אַנאַ העלד, דזשעני קײַזער און דער שפעטערדיקער דיינע פיינמאַן)„ דערנאָך געשפילט עפיזאָדן־ראָלן, — און פלוצעם נעמט מען דערציילן וועגן איר פאַנטאַסטישער קאַריערע: עס הייסט אַז אַ ווײַסער שקלאַפן־הענדלער האָט זי געבראַכט פון פאַריז קיין באָמביי (אינדיע) און פון דאָרט האָט זי צוריקגעבראַכט קיין לאָנדאָן דער ענגלישער גאָווערנער וואַדיאַ, וועלכער זאָל אפילו האָבן מיט איר חתונה געהאַט אין דער „דאָקספליים־שול” (לויטן „לעקסיקאָן פון יִדיש טעאַטער”, צווייטער באַנד, ז׳ 1591). זי גאַסטראָלירט דערנאָך אין בוענאָס־אײַרעס אין גאָרדין־רעפערטואַר, ווי אויך אין פיעסעס פון הירשביין, אַש, פינסקי, איבסען א״אַ. — נאָך אַלץ נישט קענענדיק אפילו לייענען

קיין יִדיש, אָדער אַן אַנדער שפראַך. צוריקגעקומען קיין פוילן, האָט זיך נאָך געשפילט אַ סעזאָן אין זאַנדבערגס „גרויסעם טעאַטער" אין לאָדזש, און איז (1913) געשטאָרבן אין אַ קעלערשטיבל אין וואַרשע.

וועגן איר שפילן זענען געבליבן אַ סך געטיילטע מײַנונגען: פון העכסטן לויב (נח פרילוצקי, זלמן זילבערצווײַג), ביז כמעט טאָטאַלער פאַרלייקענונג (ד"ר א. מוקדוני, דוויד פרישמאַן). אָליאַ לילית (ליאָליאַ צעדערבוים) איז געווען די „דיוואַ" פון דער יִדישער בינע. אָנגעהויבן מיט סאָלאָס און דועטן אין פוילישן קליינקונסט־טעאַטער „קווי פראָ קוואָ" (אונטערן נאָמען צעדעראָווסקאַ, ווערט זי דערנאָך אַ מיטגרינדערין פון דער יִדישער קליינקונסט־בינע „אַזאַזעל", מיט וועלכער זי גאַסטראָלירט אויך איבער דער פוילישער פראָווינץ. קאָנצערטירט דערנאָך (צוזאַמען מיט באָריס טאָמאַשעווסקי און רות רענעי) אין טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרײַך, פראַנקרײַך, בעלגיע, האָלאַנד און ענגלאַנד, און קומט (1931) קיין אַמעריקע, וווּ זי איבעראַשט ממש די קריטיק און דאָס פובליקום מיט איר עלעגאַנץ און צאַרטפילנדיקן בינע־פאָרטראַג. דאָ שפילט זי אַ צוויי סעזאָנען אין דער יִדישער אָפערעטע און גאַסטראָלירט דערנאָך אין ענגלישן וואָדעוויל. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה טרעט לילית אַרײַן פרײַוויליק אין דער אַמעריקאַנער אַרמיי און ציט זיך דערנאָך צוריק פון דער בינע.

וואַרשעווער זענען אויך: מאַרק לײַפציקער, שוישפילער, רעזשיסער און בכלל טעאַטראַל; אַוועק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וווּ ער איז געווען אַ מיטגרינדער פונעם „מענדעלע־מוזיי" און אַ מיטאַרבעטער אין דער יִדישער אָפטיילונג פון דער „אַל־אוקראַיִנישער סאָוועטישער ענציקלאָפעדיע"; לוסי גערמאַן אַ טאַלאַנטירטע שוישפילערין, יאָרן לאַנג פאַרבונדן מיטן ניו־יאָרקער יִדישן קונסט־טעאַטער און שפעטער אַן אָנערקענטע מעלאָדראַמע־סטאַרין; אַנדזשאַ פאָדערמאַן, אומגעקומען בעת דער היטלער־בהלה; די ברידער אַדאָלף און הערמאַן בערמאַן, יעקב און אסתר פערלמאַן, פאָול ברײַטמאַן, משה זילבערקאַסטן, הענרי טאַרלאָ, אַקטיאָר, פילם־שוישפילער און רעזשיסער, די ברידער עמנואל און יוסף טשיזשיק און זייער שוועסטער לאה (קינדער פון בונעם בדחן), מאָריס לאַמפע, אברהם לאַקס, ברוך לומעט, יצחק ליפינסקי, יעקב מאַנדעלבליט, לעאָן מאַנדעלטאָרט, סעם פאָגעלנעסט, יעקב פרנס, מרדכי פעלץ, רובין פערקאָוו, ה. פאָול, משה פערענסאָן, יעקב פיעקאַרניק, משה פאָלאַקעוויטש. אין פרט פון יִדיש טעאַטער איז לאָדזש געווען די שוועסטער־שטאָט פון וואַרשע. אחוץ וואָס אין לאָדזש האָט שטענדיק געשפילט אַ סטאַביל יִדיש טעאַטער (און אָפט מער ווי איינס), פלעגן אַהין אויך אַריבערקומען גאַסטראָלירן וואַרשעווער יִדישע שוישפילער, און אַ סך שוישפילער פון לאָדזש האָבן געשפילט אין וואַרשע.

איינער פון די עלטסטע און פײַנסטע כאַראַקטער־שוישפילער איז געווען סאַמועל טאַרנבערג (געבוירן אין לאָדזש, 1872, געשטאָרבן אין ניו־יאָרק 1911). יונג געקומען קיין אַמעריקע, איז ער קודם אַ „הויזסופלער" און ראָלן־איבערשרײַבער בײַ יעקב פ. אַדלער, אָבער אַ דאַנק יעקב גאָרדין און דעם אַקטיאָר מאָריס מאָשקאָוויטש הייבט ער אָן שפילן ראָלן און ווערט באַלד באַרימט ווי איינער פון די בעסטע גאָרדין־שפילער. שפעטער האָט ער געשפילט אַ קורצע צײַט אויף דער ענגלישער בינע. ער האָט אויך געשריבן דערציילונגען און איבערגעזעצט אייניקע פיעסעס.

אַ גרויסע ראָלע בײַם יִדישן טעאַטער אין לאָדזש האָט געשפילט דער כאַראַקטער־קאָמיקער און דירעקטאָר פון לאָדזשער גרויסן טעאַטער יצחק זאַנדבערג (געב' אין לאָדזש 1871; געש' אין אָטוואָצק 1915). ער פלעגט אַנגאַזשירן פאַר זײַן טרופע די אָנגעזעענסטע שוישפילער (צווישן אַנדערע אסתר־רחל קאַמינסקי) בײַ אים פלעגן אויך גאַסטראָלירן די בעסטע אַקטיאָרישע כּוחות פון אַמעריקע (דוויד קעסלער, מאָריס מאָשקאָוויטש, באָריס טאָמאַשעווסקי א"א). אַ באַזונדער אָרט בײַם בעסערן יִדישן טעאַטער האָט פאַרנומען דער שוישפילער און רעזשיסער וואָלף זילבערבערג (1885—?. אַ מיטגרינדער פון דער פרץ הירשביין־טרופע, פון „אונדזער ווינקל" (אין כּראָקאָוו) און פון ערשטן יִדישן אַרטיסטן־פאַראיין, האָט ער געשפילט באַדײַטנדיקע ראָלן אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער, אין „וויקט" און אין דער „ווילנער טרופע", און אויך געפילמט דעם רב אין ה. סעקלערס „יזכור" (מיטן ניו־יאָרקער יִדישן קונסט־טעאַטער אין ווין). ער האָט אויך איבערגעזעצט אַ גרעסערע צאָל פיעסעס.

צו דער זעלבער קאַטעגאָריע שוישפילער האָט געהערט דער קדוש שימחה נאַטאַן (געב' אין לאָדזש, 1892), וועלכער האָט געשפילט אין לאָדזשער „פוילישעם טעאַטער", מיט דער „פרײַע יִדישע פאָלקסבינע" אין ווין און אין דער „ווילנער טרופע". אַן אייגנאַרטיקע קאַריערע האָט דורכגעמאַכט דער לאָדזשער יוסף גרינבערג. געגרייט זיך ווי אַ שוישפילער פאַרן דײַטשן טעאַטער, טרעט ער אַרײַן אין בערלין אין דער „ווילנער טרופע", מיט וועלכער ער קומט קיין אַמעריקע. דאָ שפילט ער אין „אונדזער טעאַטער" און מיט רודאָלף שילדקרויט, דערנאָך אין ניו־יאָרקער קונסט־טעאַטער, און ווידמעט זיך שפעטער, אונטערן נאָמען יוסף גרין, דעם יִדישן פילם. ער איז איצט דער בעל־הבית פון צוויי פילם־טעאַטערס, וווּ עס ווערט אויך געשפילט יִדישער וואָדעוויל. אין 1947-46 איז ער אויך געווען מענעדזשער פון „דאָס נײַע יִדישע פאָלקס־טעאַטער" (מיט יעקב בן־עמי, בערטאַ גערסטין א"א).

גאַנץ באַדײַטנדיקע שוישפילער זענען אין זייער צײַט געווען דוויד פאַכלער (1929-1879), לויִס בירנבוים, משה־דוויד וואַקסמאַן (געשפילט אויך, אין 1913, אין אַרגענטינע) און זײַנע שוועסטער אסתר און פעני (בלומענטאַל), מאַקס ברין, מענדל און רבקה פלאַורנער, משה פאַסטאָר, יוליוס פראַנד — אַלע פון לאָדזש. אויפן געביט פון אָפערעטע האָבן זיך באַזונדער אויסגעצייכנט די לאָדזשער עני לובין, מאַטילדע סאַן־קלער, גוירטי בולמאַן, פנחס לעוואַנדאַ, הערמאַן, לאָשאַ און היימאַן יאַקובאָוויטש. לאָדזשער זענען אויך ישראל ביאַלקאָוויטש, צלבה און רעגינע לובאַרטאָווסקאַ, אַנאַ בוים, הערש גערשאָנאָוויטש, סעם גערשטנזאַנג, דוויד זײַדמאַן, הערש יעדוואַב און אַ סך אַנדערע.

מיט דעם איז נאָך ווײַט נישט אויסגעשעפט דער גאַנצער צעטל יִדישע שוישפילער, וועלכע שטאַמען פון וואַרשע און סביבה, אָדער וועלכע האָבן מײַסטנס דאָרט געשפילט. האָט דאָך וואַרשע אַליין, נאָך אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן, פאַרמאָגט 6 יִדישע טעאַטערס (לאָדזש — 2 ביז 3), און צווישן די אַרום 400 יִדישע שוישפילער אין פוילן זענען זיכער נאָך צענדליקער געווען פון וואַרשע.

יצחק גרודבערג־טורקאָוו (ווראָצלאַוו — פּוילן)

די מאַמע אסתר־רחל

.1

„די ליטעראַרישע טרופּע" אין "עליזעום" האָט זיך אין אַ קורצער צייַט אויסגעאַרבעט די מאַרקע פון אַ גוט, קינסטלעריש טעאַטער. אפילו אין די ליטעראַרישע קרייַזן, צווישן די שרייַבער און זשורנאַליסטן, וווּ מען האָט די ערשטע צייַט חוזק געמאַכט פון דעם אומגעלומפּערטן נאָמען פון דער טרופּע. האָט מען גיך געבי־טן די באַציִונג. יעדע פּרעמיערע האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אינ־טערעס און יעדע פאָרשטעלונג איז טאַקע געווען ערנסט און גע־וויטנהאַפט צוגעגרייט. עס איז אין גאַנצן אויסגערוימט געוואָרן פון טעאַטער די האָפּקע און דער באַלאַגאַן.

אַן אַקטיאָר פון דער „ליטעראַרישער טרופּע" איז געוואָרן אַ חשובער אַקטיאָר. בלויז דער פאַקט, אַז ער האָט געשפּילט אין „עליזעום", האָט שוין באַדייַט, אַז דאָס איז אַ גוטער, ערנסטער אַקטיאָר. זייַן נאָמען האָט זיך גלייַך געבונדן מיט אסתר־רחלס נאָ־מען, ווייַל דער עולם האָט נישט אָנערקענט די אָפיציעלע פירמע פון טעאַטער. פאַר אים איז עס געווען „קאַמינסקיס" טעאַטער. דער עולם האָט דערזען אין דער קאַמינסקי די נשמה פון טעאַטער, די צענטראַלע פּערזענלעכקייט.

אַקטיאָרן האָבן אָנגעהויבן שלום־צו־מאַכן דערמיט. מען האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו אסתר־רחלס אַ וואָרט, אַ באַמער־קונג, און אַלץ אָפטער זיך איבערצייַגט, ווי ריכטיק, ווי טרעפלעך עס זענען אירע באַמערקונגען.

— ווי קאָנט איר פילן דעם פּאַרטנער, אַז איר **זעט** נישט זייַנע אויגן אויף דער בינע? — האָט אסתר־רחל כסדר אונטערגעשטראָכן. — מען קאָן נישט גוט שפּילן, נישט אינטערעסירנדיק זיך דערמיט, וואָס עס טוט דער פּאַרטנער.

די דאָזיקע באַמערקונגען האָבן געצווונגען די אַקטיאָרן זיך צו פאַרטראַכטן.

— דער גרויסער אַקטיאָר איז נישט בכוח צו מאַכן אַ גוטע פאָרשטעלונג, אויב עס וועלן זיך אַרום אים דרייען באַהעלפערס, — פלעגט אסתר־רחל שמועסן מיט די חברים אירע, — בלויז גרויסע אַקטיאָרן וועלן נישט אָפּשפּילן קיין גוטע פאָרשטעלונג, אויב זיי וועלן זיך נישט צוזאַמענשפּילן, נישט רעדן אויף איין שפּראַך אַז יעדער שפּילט פאַר זיך איז נישטאָ קיין אמת אויף דער בינע און אָן אמת קאָן נישט זייַן קיין גוטע פאָרשטעלונג.

אסתר־רחלס געדאַנקען און ווערטלעך וועגן טעאַטער האָבן אָנגעהויבן קורסירן צווישן די אַקטיאָרן, ווי כללים פון זייער קונסט. זי האָט קיינעם נישט אויפגעצווונגען אירע מיינונגען, נאָר מיט בייַשפּילן איבערצייַגט אין זייער ריכטיקייט. אַזוי אַרום איז אין דער „ליטעראַדישער טרופּע" אויסגעוואַקסן אַ נוסח פון רעדן, פון שפּילן, פון באַוועגן זיך אויף דער בינע. מען האָט נישט קאָפּירט אסתר־רחלען — דערצו זענען געווען צו רייַפע אַקטיאָרן, אייניקע אפילו פון זיי — שטאַרקע און בולטע אינדיווידואַליטעטן. מען האָט זיך אָבער אַרייַנגעפילט אין דעם אמת פון אירע רייד, פון איר שפּילן, פון איר באַציִונג צו דער בינע, צו דער ראָלע פון טעאַטער און אַקטיאָר.

אַ שליח־ציבור מוזטו זייַן, קינד מייַנס, — האָט זי געלערנט אַ יונגן אַקטיאָר, באַנוצנדיק איר טאַטנס באַליבטע ווערטער.

די אַקטיאָרן האָבן טאַקע אָנגעהויבן צו פילן די וויכטיקייט פון אסתר־רחלס גלויבן, אַז אַן אַקטיאָר איז אַ שליח־ציבור, אַ פאָר־שטייער און דערציִער פון עולם. דאָס האָט געהאָלפן צו דער שאַ־פונג פון איינהייטלעכן טאָן אין טעאַטער, פון דעם „קאַמינסקי־נוסח", ווי מבינים האָבן עס גערופן און האָט זיך עמעצער געפּרוווט אַרויסרייַסן פון דעם נוסח, האָט ער געווירקט ווי אַ גרילץ.

דער כוח פון אסתר־רחלס נוסח איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט צוגעגעבן אַן אַנדער אויסזען אפילו די פּיעסעס וואָס האָבן זיך ווייַט נישט אַרייַנגעפּאַסט אין די ראַמען פון „ליטעראַרישן" רעפּערטואַר. אסתר־רחל האָט באַוויזן צו פאַרמענטשלעכן מיט איר „גיטעלע" אין ליבינס „צעבראָכענע הערצער" אָפּשוואַכן די מעלאָדראַ־מאַטישע טענער פון דער גאַנצער פאָרשטעלונג. מיט איר „פּאַניע" האָט גאָרדינס „אמתע קראַפט" באַקומען אַן אַנדער פּנים, טראָץ דעם, וואָס ראַפּעל האָט זיין „ד"ר גאָלדווייַזער" געשפּילט לויטן שניט, וואָס יוליוס אַדלער האָט געברענגט פון אַמעריקע. אָבער באַוויזן זיך אין איר אַקטיאָרישער גרויסקייט האָט זי ווידער אַלס „בערטאַ" אין גאָרדינס „אומבאַקאַנטער".

ס'איז וואָס אַן אמת, שוין נישט געווען קיין נייַע פּיעסע און נישט קיין נייַע ראָלע פאַר איר. זי האָט נאָך געשפּילט די פּיעסע מיט יוליוס אַדלערן. אָבער אין משך פון די פּאָר חדשים האָט זי די פּיעסע אין זיך, ווי זי האָט עס שוין אַ מאָל געהאַט געטאָן מיט „מירעלע אפרת", און כאָטש געשפּילט האָבן כמעט די זעלבע אַק־טיאָרן, אַחוץ די אַדלערס, אויף וועמענס אָרט עס זענען איצט גע־ווען די ראַפּעלס, און אברהם־יצחקן, וועמענס ראָלע ס'האָט איצט געשפּילט לאַנדוי — האָט זי באַקומען גאָר אַ נייַע פאָרשטעלונג. אסתר־רחל האָט געפונען די שפּראַך פון דער פּיעסע אויסערן טעקסט. זי האָט אַלץ דרייַסטער אָנגעהויבן אַרויסצוואַרפן זאַצן פון גאָרדינען, רעדוצירן זייַן נאַיִווע פילאָסאָפיע, אָפּטעמפּן די מע־לאָדראַמאַטישע פּערשפּיצטקייטן פון טעקסט און פון דער האַנד־

לונג. זי איז דערגאַנגען דעם גרויסן סוד פון קאָנען שווײַגן אויף דער בינע. קאָנען רעדן דורך שווײַגן, דורך אַ בליץ פון די אויגן, אַ צוק פון אַ ברעם, אַ ציטער פון די ליפּן, אַ באַוועגונג פון דער האַנט, אַ דריי פון קערפּער. זי האָט די מיטלען נישט אויסגענוצט אין דער פאָרם פון טעכנישע קונצן — זי האָט דורך זיי אַרויסבאַקומען דעם אויסדרוק פון טיפסטער איבערלעבונג פון אינערלעכן אמת. זי האָט אַלעמען געלערנט:

— איר מוזט אויפריכטיק גלייבן אין דעם, וואָס איר טוט און רעדט אויף דער בינע!

האָט זי נישט געקאָנט בשום אופן גלייבן אין מחברם ווערטער, זענען די ווערטער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן און אויף זייער אָרט איז געקומען די שפּראַך פון די אויגן. יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט געזאָגט אויף דער בינע, האָט געמוזט האָבן אַ זין און וואָג. ס'איז אַרויסגעברענגט געוואָרן אין געדעמפטע טענער, מיט האַלבטענער. און האָט אסתר־רחל אַ מאָל אַ געשריי געטאָן אויף דער בינע, איז שוין אַ שוידער אַדורך דעם זאַל.

אסתר רחל קאַמינסקי
אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן

נאָך יעדער גוטער פאָרשטעלונג האָט אסתר־רחל געשטראַלט. פון יענער זײַט פאָרהאַנג האָבן זיך נאָך געהערט אַפּלאָדיסמענטן, נאָר זי האָט שוין געקושט אידאַלען, וואָס האָט געשפּילט אין דער פּיעסע, געדריקט די הענט פון די אַקטיאָרן:

— איך דאַנק אײַך אַלע... מיר האָבן הײַנט געגעבן אַ גוטע, ערלעכע פאָרשטעלונג... אַ דאַנק, קינדער!

צום געזונט, מאַמע! — האָבן אַקטיאָרן צופרידן געענטפערט.

דער נאָמען „מאַמע" איז אַלץ מער געוואָרן צוגעוואַקסן צו איר. שוין נישט בלויז אַלטע חברים — אַלע אַרום האָבן זי אַזוי גערופן. מען האָט שוין נישט געהערט „מאַדאַם קאַמינסקי", „אסתר־רחל", „דירעקטאָרשע"... דער נאָמען „מאַמע" האָט זיך אפילו פונאַנדערגעטראָגן צווישן עולם.

— אָט איז די מאַמע! — האָבן שמייכלענדיקע אָנגעוויזן אויף איר פאַרבײַגייענדיקע טעאַטער־גייער, ווען מען האָט זי דערזען.

און ווען ס'איז אַ מאָל געפאַלן די פראַגע פון אַ נישט־אָריענטירטן:

— וועלכע מאַמע?

האָבן אַ סך פאַרוווּנדערטע בליקן באַקוקט דעם פרעגנדיקן:

— נו, די מאַמע... אסתר־רחל קאַמינסקי.

2.

אסתר־רחל איז דער נאָמען מאַמע זייער ליב געווען. זי האָט אפילו צו אַקטיאָרן, עלטערע פון איר, געהאַט אַ מאַמיש געפיל. אָבער זײַן אַ מאַמע, האָט זי געוווּסט, איז נישט נאָר אַ פאַרגעניגן, ס'איז אַ גרויסע אחריות. די אחריות פאַר זיך און פאַר אַנדערע.

צײַט האָט זי געהאַט ווייניק. יעדן אָוונט האָט זי געמוזט שפּילן. איצט האָט זי געוואָלט שפּילן אויך. מיט יעדער פאָרשטעלונג האָט זי פאַרפעסטיקט דאָס, וואָס זי האָט שוין געהאַט געפונען אין דער געשטאַלט, אָדער זי האָט געפונען אַ נײַעם שטריך, אַ נײַעם מאָמענט. עס האָט זי נאָר פאַרדראָסן, וואָס זי האָט איצט אַזוי זעלטן די געלעגנהייט צו גיין אין פּוילישן טעאַטער, וועלכן זי האָט שטאַרק ליב געהאַט צוליב זײַנע גרויסע אַקטיאָרן און צוליב דעם פײַנעם טאָן פון די פאָרשטעלונגען. איצט האָט זי כמעט נישט געהאַט קיין צײַט זיך צו פאַרנעמען מיט די קינדער. רעגינעלע איז שוין אַ גאַנצע פרײַלין, גייט אין פּענסיאָן, איז זי נישט אַזוי להוט אויף דער מאַמעס צערטלערײַען; אידאַלע איז כמעט כסדר מיט איר. זי שפּילט אין דער מערהייט פּיעסעס, רעכנט זיך ממש פאַר אַ מיטגליד אין דער טרופּע. זי האָט אַ דערפאָלג, וועלכן ס'איז איר מקנא נישט איין אַקטיאָר מיט אַ נאָמען... אָבער דאָס קליינע יאָסעלע, וואָס לויפט אַרום ווי אַ קאַראַפּוזיק איבער די צימערן — ווי קאָן מען זיך אָפּזאָגן פון אַ שפּיל־טאָן מיט אים, אַ פרײַ־טאָן זיך מיט זײַנם אַ חכמהלע?

און נאָך פון איין זאַך האָט זיך אסתר־רחל נישט געקאָנט אָפּזאָגן: פון לייענען. מיט פּויליש איז איר נאָך אַלץ שווער געווען, האָט זי געשלונגען רוסישע און ייִדישע ביכער, ביז שפּעט אין דער נאַכט געלעגן מיטן ביכל.

זי איז פון די ביכער געוווּיר געוואָרן דאָס, וואָס זי האָט נישט באַקומען אין שול. די ביכער האָבן בײַ איר אַרויסגערופן נײַע געדאַנקען, אויפגעדעקט נײַע שטריכן פון מענטשן, נײַע זײַטן פון לעבן. זיי האָבן נישט איין מאָל זי אָנגערעגט אַרײַנצוברענגען אַ נײַעם טאָן אין אַ ראָלע, אַ נײַעם שטריך אין אַ געשטאַלט, אַרויסגערופן בײַ איר דעם חשק צו שאַפן נײַע געשטאַלטן.

אַ מאָל האָט זי נאָך געבלאָנדזשעט. מאַרק אַרנשטיין האָט זיך באַמיט זי איבערצײַגן, אַז זי געפינט זיך אויפן וועג צום מאָדערנעם טעאַטער, וועלכן אַרנשטיין האָט געזען אין די ווערק פון פּשיבישעווסקין, פון סטרינדבערגן, אין זײַנע אייגענע ווערק.

— איר פאַרשטייט: די קונסט דאַרף רעדן דורך וויזיעס, דורך סימבאָלן. איר דערהייבט זיך צו סימבאָלן. איר האָט אָבער נישט קיין אייביקייטס־שטאָף. די פּיעסן טויגן נישט... אָט וועט איר זען, ווי איר וועט אויפשײַנען אין מײַן „ווילנער בעל־הביתל".

נאָר זי האָט זיך עפּעס נישט געקאָנט צונויפרעדן מיט אַרנשטיינען, אַזוי ווי בעת זייער ערשטער צוזאַמענאַרבעט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. אַרנשטיין האָט פון איר פאַרלאַנגט זי זאָל שפּילן, כדי צו דעקן די אמתע געפילן:

— „יאָ" דאַרף אויסדריקן „ניין"... דער אמת איז נישט אין ערדישן, נאָר אין איבערערדישן... בכלל איז נישט וויכטיק דער אמת, נאָר דער רוף פון בלוט.

בײַ אסתר־רחלען איז פון אַזעלכע געדאַנקען געוואָרן אַ מישמאַש אין קאָפּ. און בײַ אַרנשטיינען פלעגן זיך געדאַנקען בײַטן מיט דער שטימונג:

— קונסט דאַרף געבן עטערישקייט פון דער נאַקעטער נשמה און גלײַכצײַטיק אַ פיזישן גענוס, קונסט הייסט געניסן... און גענוס איז דער זין פון לעבן...

אַז עס איז אַ מאָדע אויף אַזעלכע געדאַנקען, האָט אסתר־רחל געוווּסט. זי האָט עס געפילט פון אַנדרייעווס זאַכן, בעיקר פון אַרציבאַשעווס. אָבער צו איר האָט די מאָדע נישט גערעדט.

— אַרנשטיין קומט דאָך פון דער גרויסער וועלט, פון פּוילישן טעאַטער. ווייסט ער דאָך מסתמא בעסער... לאָמיר פּרוּוון... — האָט איר אברהם־יצחק אײַנגערעדט.

אסתר־רחל איז געווען זיכער, אַז אין „ווילנער בעל־הביתל" בלאָנדזשעט זי. דעריבער האָט זי געשטוינט ווען פּרץ האָט איר געמאַכט קאָמפּלימענטן:

— אײַער לאה איז גוט! דאָס הייסט... איר האָט געשפּילט אויסגעצייכנט.

— זײַט אויפריכטיק, פּאַניע פּרץ, איר מיינט עס טאַקע? ווײַל איך בין מיט זיך צופרידן...

ניין, איך מיין עס אויפריכטיק, איר האָט געשפּילט אויסגעצייכנט... אָ, איר זענט איבערגעטריבן אין דער ראָלע? ווי קאָן דען זײַן אַנדערש? ס'איז זיך זייער שווער צו האַלטן אין אַ ראָלע וואָס איז רעאַליסטיש־סימבאָליסטיש־דעקאַדענטיש... עס שלאָגן זיך דאָ אַלערלײַ ליטעראַרישע פאָרמען... מאַסנהאַפט ווילד־פרעמדע מאָטיוון... דאָס זענט איר שוין נישט בכוח צו ראַטעווען... אָבער איר שפּילט מײַסטערהאַפט!

די שמועסן מיט פּרצן זענען פאַר אסתר־רחלען נאָך אַלץ געווען יום־טובדיקע מינוטן. זי האָט אויפגעכאַפּט זײַנע בליץ־געדאַנקען וועגן טעאַטער, געזוכט צו פאַרגלײַכן איר טעאַטער־ווירקלעכקייט מיט פּרצס טרוים וועגן טעאַטער. פּרץ איז מיט איר געווען אויפריכטיק:

— גאַנץ צופרידן קאָן מען נאָך מיטן ייִדישן טעאַטער נישט זײַן. אַ טעאַטער איז אַ בית־המיקדש, וווּ קיין פעלערהאַפטע זאַך, קיין בעל־מום, טאָר נישט אַרײַנקומען. און אין ייִדישן טעאַטער איז נאָך דאָ אַ סך בעל־מומים.

אסתר־רחל האָט טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נעמט עס זיך נישט צום האַרצן! — האָט זי פּרץ באַרויִקט. — זעענדיק דעם פאַרשריט, וואָס דאָס ייִדישע טעאַטער האָט געמאַכט אין לעצטן יאָר, קאָן מען האָפן, אַז מיט דער צײַט וועט זיך דאָס טעאַטער אַנטוויקלען ביז צו דער העכסטער מדרגה.

און קושנדיק אסתר־רחלס האַנט האָט ער צוגעגעבן:

— צו אײַער מדרגה, מאַדאַם קאַמינסקי, צו דער הויכער מדרגה פון אײַער קונסט.

פּרצס ווערטער האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט אין איר דאָס אחריות־געפיל פאַרן טעאַטער, פאַר דער „ליטעראַרישער טרופּע", פאַר איר טעאַטער.

— ווי אַזוי קאָן נישט זײַן קיין בעל־מום, — האָט זי געטראַכט, — אַז איינער פון די יסודות, אויף וועלכע עס שטיצט זיך אַ טעאַטער, דער רעפּערטואַר, איז איין גרויסער מום? גאָרדין איז דאָך שוין דאָס בעסטע. מיר מוזן נאָך אָנקומען צו ליבינען, צו זײַנע פאַרשידענע „אומגליקלעכע מוטערס", „געבראָכענע הערצער" און „שרעקלעכע נקמות". וואָס זאָל מען טאָן? מיט וואָס זאָלן מיר אָנפילן די רעפּערטואַר בלויזן?

זי האָט זיך באַמיט צו רייניקן די מעלאָדראַמעס. אָנשטאָט ביליקן שאַרזש האָט זי געזוכט צו געבן דינע איראָניע, אָדער שאַרפן סאַרקאַזם; אָנשטאָט האַרצרײַסנדיקן געוויין — קוים אַ שטיל כליפּען. אָבער דאָס, וואָס איז פון גרונט אויס פאַלש געווען, איז זי נישט בכוח געווען צו מאַכן אמתדיק.

אסתר־רחל האָט געפילט, אַז אויב מען זאָל ווײַטער אַזוי ציִען, וועט עס זיי סוף־כל־סוף אַראָפּשלעפּן פון דער מדרגה, וועלכע זיי האָבן מיט אַזוי פיל מי און האַרצווייטאָג דערגרײַכט די לעצטע יאָרן. האָט מען זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דער היימישער וואַרעמקייט, פון די באַקוועמלעכקייטן פון „עליזעום", פון זיצן אויף איין אָרט, און לאָזן זיך אויף סנײַ אין וואַנדערונג. נאָר דאָס מאָל שוין נישט מיטן דלות פון די אַמאָליקע וואַנדערונגען, נאָר אַלס באַרימטע „ליטעראַרישע טרופּע" מיטן שטערן פון ייִדישן טעאַטער, אסתר־רחל קאַמינסקי בראָש.

3.

אין די שטעט פון פּוילן איז שוין פאָרויסגעגאַנגען דער גוטער נאָמען פון דער „ליטעראַרישער טרופּע" און אסתר־רחלס רום. האָבן אויף די וואָקזאַלן אין די שטעט פון טורניי אָפּגעוואַרט דעלעגאַציעס מיט בלומען און באַגריסונגען. געשפּילט האָט מען אין די בעסטע טעאַטער־זאַלן און די פאָרשטעלונגען זענען אומעטום געווען אויספאַרקויפט פון פאָרויס, אין די קלענערע שטעט פלעגט שוין קומען אין טעאַטער אַרײַן כמעט די גאַנצע פּראָפעסיאָנעלע אינטעליגענץ, וואָס איז געווען אַזאַ זעלטנקייט אין וואַרשע. דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן האָבן געזוכט זיך צו דערנענטערן צו די אַקטיאָרן, פאַרברענגען מיט זיי בײַ אַ גלעזל טיי, שמועסן וועגן קונסט־פּראָבלעמען. אַקטיאָרן האָבן כסדר געהערט וועגן זיך, אַז זיי זענען קינסטלער און זיי האָבן שוין איצט געגלייבט אין דעם. דאָס האָט צוגעגעבן חשיבות זייער האַלטונג, זייערע אַרויסזאָגונגען. עס האָט אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן בײַ זיי דער טאָן פון ציגײַנערישן הפקר.

אַלע בליקן זענען שטענדיק געווען געווענדט צו אסתר־רחלען, אַלע אויערן אָנגעשפּיצט אין איר ריכטונג, נאָר זי האָט זיך זעלטן אָנגערופן מיט אַ וואָרט און באַמיט זיך צו זײַן אין שאָטן. האָט זי זיך אָבער שוין יאָ אַרײַנגעמישט אין אַ שמועס, אַ דיסקוסיע, איז איר וואָרט געווען באַדאַכט און האָט געצוווּנגען זיך צו פאַרטראַכטן.

— ווי פּשוט די קאַמינסקי איז — האָבן זיך געחידושט נײַע באַקאַנטע.

— אַזאַ איז זי שוין, אונדזער מאַמע, — האָבן די אַקטיאָרן געענטפערט.

פון שטאָט צו שטאָט זענען צוגעקומען טויזנטער נײַע ליבנ־

דיקע „קינדער” פון דער „מאַמען פון ייִדישן טעאַטער”. און אָט קומט מען ווידער קיין לאָדזש, מיט וועלכער מען האָט זיך געזעגנט מיט קנאַפּע צוויי יאָר צוריק.

נישט קיין לײַכטער ביסן איז איצט געווען לאָדזש. יוליוס אַדלער איז פון וואַרשע געפאָרן אַהין און אָפּגעשפּילט אַלע פּיעסעס וואָס ער האָט געברענגט פון אַמעריקע. כמעט אַלע ראָלעס אסתר־רחלס האָט אָפּגעשפּילט עמיליאַ אַדלער.

דער לאָדזשער עולם האָט אָבער באַשאָנקען אסתר־רחלען מיט קרעדיט נאָך צוליב אירע פּאָריקע גאַסטשפּילן. און איצט האָט ער געזען, אַז מיט רעכט: „מירעלע אפרת” האָט אויפגערודערט לאָדזש, נישט ווייניקער ווי וואַרשע. די „שחיטה” האָט דער עולם אויפגענומען ווי אַ נײַע פּיעסע צוליב אסתר־רחלס „אסתרקע”. „דער אומבאַקאַנטער” האָט אויפגעטרייסלט דעם עולם. „סאַפאַ” האָט אַרויסגערופן הייסע דיסקוסיעס.

די טעמע פון שמועסן אין דער שטאָט זענען געווען די גאַסטשפּילן פון דער „ליטעראַרישער טרופּע” און „די מאַמע”. אין דעם שרעקלעכן מענטשן־געדרענג אויף פּיאָטרקאָווער־גאַס, ווען די גאַנצע גאַס האָט אויסגעזען ווי איין שוואַרצע מאַסע, וואָס האָט זיך לײַכט געכוואַליעט אין אַלע ריכטונגען, האָט איר אין טומל געקאָנט הערן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם. לאַנגע שמועסן האָט מען געפירט אין קאַוויאַרניעס, מילך־האַליעס, רעסטאָראַנען. דורכגעוואָרפן האָט מען זיך מיט אײַנדרוקן אין די וואַרשטאַטן און בײַ די וועבשטולן אויף באַלוט.

אין אַ באַלוטער הילצערן הײַזל האָט אַ יונגע פרוי מיט פרייד דערציילט איר מאַן, אַ טויטמידער פון דער אַרבעט:

— איך האָב שוין בילעטן אויף שבת אויף „קרײַצער סאָנאַטע”... קוים געקריגן...

— איז גוט, גוט... אָבער איצט גיב מיר עפּעס צו עסן, אַז נישט וועל איך נישט דערלעבן ביז שבת... — האָט דער מאַן געענטפערט מיט אַ געלעכטער.

די פרוי האָט זיך פלינק אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט און באַלד איז געשטאַנען דאָס באַשיידענע מאָלצײַט אויף דעם ווײַסן, געלאַטעטן טישטוך. ער האָט אײַליק געשלונגען דעם אָוונטברויט און זי איז געזעסן פאַרקוקט פאַר זיך, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די הענט. אַ דין שמייכעלע האָט געבלאָנדזשעט אויף אירע ליפּן:

— כ'האָב געוווּסט, אַז זי וועט האַלטן וואָרט, די קאַמינסקי. זי איז ווידער צו אונדז געקומען... נאָך שענער און גרעסער ווי פריִער.

דער מאַן האָט מיט אַ פול מויל צוגעבאָמקעט:

— הממם!...

— ווי מיינסטו, חיים, — האָט זי אויפגעוואַכט, — איז דאָ נאָך אַזאַ גרויסע קינסטלערין, ווי אסתר־רחל קאַמינסקי?

ער האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט אין די געדאַנקען געווויגן און געמאָסטן:

— ניין, ס'איז נישטאָ!

— אויף דער גאַנצער וועלט?

— פאַר אונדז איז זי די גרעסטע אויף דער גאַנצער וועלט. ווײַל זי איז אונדזערע.

— יאָ, אונדזערע, — האָט זי געענטפערט ווי אַ ווידערקול.

◆

שלום אַש

„אַ שטורעם אויף דער גמינע"

(אַ קאַפּיטל פונעם בוך „וואַרשע")

מ'ווייסט נישט ווער עס האָט פאַרשפּרייט דעם קלאַנג אין די קאַלטע היימען, אַז מ'גייט צו דער גמינע פאָדערן קוילן. אַלע זענען געקומען צו דעם געדאַנק פשוט דערפאַר, ווײַל דאָס איז געווען דער איינציקער אַדרעס וווּ די אָרעמקייט אין וואַרשע ווייסט זיך צו ווענדן אין אַ שעה פון נויט. ווען רחל־לאה איז מיט די שכנים פון איר הויף אָנגעקומען צו דער יִדישער גמינע אויף גזשיבאָווסקע, האָט זי שוין דאָרטן אָנגעטראָפן מחנות אַרבעטסלאָזע בעלי־מלאכות פון אַלע טיילן שטאָט. דאָס גאַנצע „פאַבריקל" פון בערל „פאַבריקאַנט" איז דאָ געווען. מען איז געקומען אויך פון אַנדערע ווערקשטעלן. מ'האָט געשטורעמט די טירן פון דער גמינע. די צוויי דינער מיטן איינציקן סטראַזשניק, וואָס זענען דאָרטן געשטאַנען ווי די נאַראָנים כדי צו באַשיצן די שטאַרקע טיר פון דער פאַרמאַכטער קהילה, האָבן זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן קעגן דער מאַסע מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט זייערע געפרווירענע לײַבער צוזאַמענגעקוועטשט אין איין טייג און זיך געדרוקט צו דער טיר. ענדלעך האָבן די טירהיטערס אָפּגעטראָטן מיט אַ מאַך מיט דער האַנט. און די אָרעמקייט האָט זיך אַרײַנגעלאָזט אינעם גרויסן גערוימלעכן זאַל פון דער קהילה. אַלע טירלעך פון די פענצטער פון די באַאַמטע זענען פאַר אימה געווען צוגעקלאַפּט. אַלע טירן וואָס האָבן געפירט צו דער דאָזאָרשטוב, — פאַרמאַכט.

דער עולם האָט געמיינט, אַז ער דאַרף זיך נאָר אַרײַנרײַסן אינעם זאַל פון דער גמינע, וועט ער שוין געהאָלפן ווערן. זיי זענען שוין דערינען, וואַרפן זיך צו די פאַרמאַכטע פענצטערלעך, רײַסן זיך עפּעס צו אַ פאַרמאַכטער טיר, שטייען פאַר פיר נאַקעטע ווענט און ווייסן נישט וואָס צו טאָן: אַ געפילדער, אַ גערויש, אַן אויסגעמישעכטס, אַ פאַרשלינגעכטס פון רייד און געשרײַען. די מידע מוטערס, מיט די קינדער אויף די הענט, וואַרפן זיך אויף די לאַנגע בענק; אַנדערע, ווידער, מיט פאַרפרווירענע פיס פון לאַנג שטיין אין דער קאַלטער גאַס, וואַרפן זיך אויף דער ערד. דערכאַפּן דעם אָטעם מיט די ערשטע הויכן פון וואַרעמקייט וואָס שלאָגט פון גוט־אונטערגעהייצטע אויוונס. מ'שטופּט זיך צו די וואַרעמע אויוונס, אַזוי ווי צו אַ זון. אָבער קיינער ווייסט נישט וואָס צו טאָן, צו וועמען זיך צו ווענדן, מיט וועמען צו ריידן.

פון דער מאַסע אָנגעפּראָפּטע לײַבער רוקט זיך אַרויס רחל־לאה. מען לאָזט זי; מען טרעט איר אָפּ דעם וועג. טייל קענען זי; בײַ טייל רופט זי אַרויס רעספּעקט דורך דעם, וואָס זי גייט פאַרהעלטענישמעסיק בעסער אָנגעטאָן ווי די אַנדערע; אין אַ שוואַרצן זשאַקעט מיט עפּעס אַ פוטערנעם קאָלנער, נישט אין קיין טוך איבערן קאָפּ, ווי אַלע ווײַבער, נאָר אין אַ מין קאַפּעלוש. מ'רופט זי פון אַזע זײַטן: „לאָזט צו די בעל־הביתטע, זי וועט שוין פועלן פאַר אונדז". „לאַנג לעבן זאָלט איר, בעל־הביתטעלע, וואָס איר נעמט זיך אָן פאַר אונדזערע „קשיוודעס". אדרבא, אדרבא, טוט עפּעס אויף פאַר די אָרעמע־לײַט. עס איז דאָך טאַקע סכנות־נפשות". זי האָט מיטגעשלעפּט בײַ די הענט אַ פּאָר קינדער פון דעם סוכאָטניטשן ווײַבל. אַרום איר זענען געווען אַ פּאָר שכנים פון איר הויף, וועלכע זענען מיטגעגאַנגען העלפן. קודם־כל העניך דער סטאָליער, חיים „פערד" האָט זיך אויך מיטגעשלעפּט. געהערט אַז מ'גייט צו דער גמינע נאָך קוילן, האָט ער געכאַפּט אַ דראָנג און איז מיטגעגאַנגען: „זאָל זיך נאָר מאַכן עפּעס טאָן". עס איז אויך מיטגעקומען מרדכי דער „הויקער", וואָס האָט ליב צו זײַן אומעטום, וווּ עס איז נאָר אַזאַ שטיקל חתונה, דער „זשאָכלינער" איז נישט געגאַנגען. אין די לעצטע מינוטן האָט ער חרטה געקראָגן, דערשראָקן זיך, זעט אויס, פאַרן וואָרט „פילאַנטראָפּיע", וואָס דער גימנאַזיסט האָט אים צוגעוואָרפן. דערפאַר איז אויס ריינער סימפּאַטיע פון הויף מיטגעקומען וועלוול קעלבאַס. ער אַליין ברויכט עס נישט. פאַרקערט, אין די שווערע טעג האָט ער נישט איין מאָל מיט אַ ווורשט רחל־לאהן אַרויסגעהאָלפן. נאָר ער האָט אויך געוואָלט צולייגן אַ האַנט. ערשטנס, טראָגט ער שוין פון לאַנג אַ כעס אויף דער גמינע צוליב דעם וואָס מ'האָט אים שוין נישט איין מאָל געטרעפט די ווורשטן; און צווייטנס, האָט ער זיך לעצטנס געוואָלט אײַנשאַפן עולם־הבא און העלפן אָרעמע־לײַט, כאָטש נעבע, זײַן יִדענע, האָט אים געוואָרנט: „וועלוול, רוק זיך נישט, ס'איז נישט דײַן עסק. זאָל גיין דער, ווער עס באַדאַרף". וועלוול האָט איר נישט געהאָרכט, אָנגעטאָן זיך דאָס פעלצל, אַרויפגעצויגן אַ קאַשקעטל און גענומען אַ שפּיצרוט אין האַנט אַרײַן, וואָס איז געווען געמאַכט פון אַ פאַרטריקנטן אָקסנעק, אַזוי ווי ער וואָלט גרייט געווען אויף אַ מלחמה. רחל־לאה האָט אויך מיטגעשלעפּט מיט זיך זעליק בעקערן, וועלכן זי האָט צוגעכשופט מיט אַ ווונק און מיט אַ קלאַפּ אין פּלייצע: „זעליק, קום מיט, טאָמער וועט מען דיך דאַרפן". זעליק דער „קאַוואַליער" האָט נישט געקאָנט אָפּזאָגן אַ דאַמע, נאָך דערצו דער לערערקע, צו וועלכע ער האָט שוין פון לענגסט אַ שוואַכקייט. שטייען זיי אַלע, רחל־לאה אין מיטן פון אירע „קאַוואַליערן", צווישן דער מאַסע אַרבעטסלאָזע, אָרעמע־לײַט, און גלאַט נאָכלויפערס. עס איז זיך נישטאָ צו וועמען צו ווענדן, אַלע טירן פאַרמאַכט און פאַרקלאַפּט, און אַלע פענצטערלעך צוגעשלאָגן. רחל־לאה קלערט נישט לאַנג און הייבט אָן מיט ביידע הענט צו קלאַפּן אין אַ פאַרמאַכטער טיר אַרײַן:

מער האָט מען נישט באַדאַרפט. עס איז געווען ווי אַ צייכן.

די גאַנצע מאַסע האָט אַרויסגעריסן איין יללה־געשריי פון זיך: „קוילן!” עס איז געוואָרן אַ האַמערײַ מיט די הענט אין די ווענט און די פאַרמאַכטע פענצטערלעך, וועלכע די באַאַמטע האָבן פאַרקלאַפּט הינטער זיך פאַר אימה. אַ טופּערײַ מיט די פיס: „קוילן גיט! קוילן! מיר ווערן געפרוירן, קוילן!”

די געוואַלדן און די געשרײַען זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל העכער. דאָ און דאָרט האָט מען שוין אָנגעהויבן צו רײַסן בײַ די באַאַמטע פענצטערלעך. אַ ברייט־בייניקער ייִד, ווי אַ שטיק מויער, האָט זיך אַרויסגעשטופּט פונעם צונויפגעפּרעסטן עולם און געשריגן: „לאָזט מיר נאָר צו!” צוגעקומען צו דער פאַרמאַכטער טיר, בײַ וועלכער רחל־לאה איז געשטאַנען, און זיך געגעבן מיטן גאַנצן געוואָג פון זײַן קערפּער אַ וואַליע אַרויף אויף דער טיר. חיים „פערד” האָט געגעבן אַ קאָפּע מיט די פיס און וועלוול קעלבאַס האָט צוגעהאָלפן מיט אַ לאַפּע — און די טיר האָט נאָכגעגעבן.

פון דערינען, זעט זיך אויס, האָט מען זיך געריכט אויף נישט קיין גוטס. אַלץ איז פאַרשוווּנדן, ווי אויסגעשטאָרבן. נאָר איינער, אַ מוטיקער, האָט געוואַגט פאַר אַלעמען צו באַווײַזן זיך אין דער אויפגעפּראַלטער טיר מיט אַ מינע: „אָט בין איך דאָ, און זעט — איך האָב נישט קיין מורא פאַר אײַך!” עס איז געווען אַ בכבודיקער ייִד, אין אַ שיינער געשניטענער קאַפּאָטע, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ פעט בײַכל און אַ ייִדיש קליין היטל, פון אונטער וועלכן מ'האָט גאָר צו ערשט אַרויסגעזען אַ לאַנגע, ברייטע, געלע באָרד.

ער האָט זיך נישט דערשראָקן. די רויטקייט פון זײַנע איבערגעלאָפענע, מיט גריוונס אויסגעפּאַשעטע באַקן, איז נישט פאַרשוווּנדן.

ער איז געשטאַנען אַ רויִקער, אַ קילער, אָנגענומען מיט זײַנע פעטע פינגער די שיינע געלע באָרד און געפרעגט גאַנץ געלאַסן:

— וואָס ווילט עטץ?

דער צודרינגלעכער עולם, וואָס האָט ערשט פאַר אַ מינוט פריִער געשטורעמט די טיר, האָט בײַם אָנבליק פונעם בכבודיקן דאָזאָר זיך אײַנגעשטילט און זיך אָפּגערוקט. אפילו דער ברייט־בייניקער און ברייטבאָרדיקער ייִד, וואָס האָט אַרויסגעזעצט די טיר, האָט זיך אויך דערשראָקן, און אָפּגעטראָטן אַ טריט. אפילו חיים „פערד” און וועלוול קעלבאַס.

רחל־לאה האָט אים געקוקט אין די אויגן אַרײַן און געענטפערט פאַרוווּנדערט:

— איר ווייסט נישט וואָס מיר ווילן? איר ווייסט גאָר נישט וואָס עס טוט זיך אין שטאָט?

— ווער זענט איר דאָס? — ווײַזט דער דאָזאָר מיטן פינגער אויף רחל־לאהן גלײַך אין פּנים אַרײַן. — אַ גבאיטע אַזעלכע? קיין אָרעמע זענט איר דאָך נישט. דאָס זעט מען דאָך אין אײַך.

— און אַז אַ גבאיטע, געפעלט אײַך נישט? — פרעגט זי אים.

— ניין, ניין. פאַרקערט, אדרבא, מיר געפעלט עס דווקא זייער. קומט אַרײַן אין דאָזאָרשטיבל, וועלן מיר זיך דורכרעדן בײַם טיש.

— פאַניע לעבן, האָט רחמנות אויף אונדז, מיר גייען דאָך אויס מיט אונדזערע קינדער פאַר קעלט, — ווײַנט אַרויס אַ ייִדענע פון עולם.

דאָס איז געווען אַ צייכן פאַר די אַנדערע.

— די בעבעכעס אין אונדזערע לײַבער ווערן דאָך געפרוירן.

— עס איז דאָך ממש סכנות־נפשות. מען ווערט דאָך דערפרוירן גלידערווײַז, — קלאָגט פון דער מאַסע אַרויס מיט אַ גמרא־ניגון אין אַן איכה־טאָן אַ חסידישער ייִד.

— דאָזאָר, אַזוי ווײַטער קאָן עס נישט גיין. ס'איז „באי מים עד נפש”, — מאַכט מיט דער האַנט אַ בכבודיקער חסידישער ייִד אין אַ צעריסענע קאַפּאָטע.

— וואָס רעדט ער מיט אים — קוילן! מיר האָבן נישט מיט וואָס צו הייצן — קוילן!

— מיט געשרײַען וועט איר גאָרנישט מאַכן, — זאָגט דער דאָזאָר בנחת־רוח, — איר האָט דאָך דאָ אײַערס אַן אייגענעם מענטש. זאָל זי אַרויפגיין מיט אונדז, זיך אַוועקזעצן בײַם טיש, וועלן מיר זען וואָס מיר קאָנען טאָן.

— גייט, גייט, גוטער מענטש, גייט, — האָבן איר שטימען צוגעגעבן מוט.

פונעם עולם האָט זיך אַרויסגערוקט מרדכי דער „הויקער”. ווי נאָר מ'דאַרף אַ דעפּוטאַציע, איז ער דאָ, און ער רופט זיך אָן צו רחל־לאהן:

— פאַני הורוויץ, קומט אַרויף, וואָס האָבן מיר מורא פאַר זיי?

ווען רחל־לאה און מרדכי „הויקער” זענען אַרײַן אין דאָזאָרשטיבל, האָבן זיי קיינעם נישט אָנגעטראָפן. זעט זיך אויס, אַז מ'איז זיך צעלאָפן און איבערגעלאָזט בלויז דעם מוטיקן געלן דאָזאָר. דער לאַנגער גרין־באַדעקטער טיש איז געשטאַנען ליידיק.

— און ווּ זענען די אַנדערע? — פרעגט רחל־לאה.

— וואָס דאַרפט איר די אַנדערע? — איך וועל רעדן מיט אײַך, זעצט אײַך, — ווײַזט דער דאָזאָר אָן אויף שטולן בײַם גרין־געדעקטן טיש.

— זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער רעוואָלטירטער מאַסע! — רופט אויס דער הויקער מיט אַ טריומפירנדיקער שטימע און גיט אַ טריומפירנדיקן ווונק צו רחל־לאהן.

— פאַר וואָס זאָלן זיי זיך דערשרעקן, — וואָס, איר זענט נישט אַזעלכע ייִדן ווי מיר זענען? וואָס, גזלנים זענט איר? — זאָגט דער ביטערער דאָזאָר בנחת־רוח — זעצט אײַך, יונגערמאַן, — ווײַזט ער דעם הויקער אויף אַ שטול, — זיי האָבן מיך אויסגעקליבן צו אונטערהאַנדלען מיט אײַך.

— אַהאַ! — רופט ווײַטער אויס דער הויקער מיט אַ פול באַדײַטנדיקן ווונק צו רחל־לאהן, און צום געלן דאָזאָר גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט: „יאַך קאָן שטיין”.

— אַלזאָ, וואָס וועט איר זאָגן גוטס? וואָס ווילט איר דאָס אייגנטלעך? פרעגט דער דאָזאָר אַזוי ווי ער וואָלט פון הימל אַראָפּגעפאַלן.

בײַ רחל־לאהן פּלאַצט שוין דאָס געדולד בײַם אָנהייב.

— איר ווייסט נישט וואָס מיר ווילן? איר זענט אַ פרעמדער? איר ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך אין שטאָט? מענטשן ווערן געפרוירן!

— נו, און אַז מען ווערט געפרוירן, איז וואָס? שרייַט מען שוין אַזוי, מאַכט מען שוין אַזעלכע געוואַלדן, רייַסט מען שוין אייַן אַ וועלט? ביי מיר אין דער היים ווערט ייִען אויך געפרוירן. ווער ווערט דאָס נישט געפרוירן אין ווינטער? ס'איז דאָך אַ באַוווּסטע זאַך. מיר זענען דאָך מענטשן, נישט קיין ווילדע חיות. ס'איז דאָך גלאַט נישט שיין פאַר גויים. געמאַכט אַן אָנגעלויף, גאָט ווייסט וועגן וואָס, — זאָגט דער דאָזאָר מוסר־רייד.

רחל־לאה איז נישט געווען קיין גוטע דיפּלאָמאַטין. ביי אַזעלכע אונטערהאַנדלונגען האָט זי גלייַך פאַרלוירן איר געדולד. זי האָט שוין נישט געקאָנט איבערטראָגן זייַנע אויסגערוטע פולע בעקלעך, פון וועלכע עס האָט אַראָפּגעגלאַנצט דער שמאַלץ פון חנוכה־גריוונס. עס האָט זי געררייצט זייַן רויִקער, נחתדיקער טאָן, ווי ער וואָלט גרויס הנאה געהאַט צו הערן זייַן אייגענער שטים, און דאָס קעמען זיך מיט די פינגערלעך די געלע באָרד. זי האָט שטאַרק חשק געהאַט אָנצוכאַפּן אים אַזוי ביי דער באָרד און זי פעסט האַלטן אין אירע הענט און שרייַען צו אים:

— איר ווייסט, וואָס עס הייסט ווערן געפרוירן פאַר קעלט? איר ווייסט? זי האָט זיך געביסן די ליפּן, כדי זיך אַליין צו קאָנטראָלירן.

— רעדט איר מיט אים, מרדכי, רעדט, איך קאָן נישט.

— הכלל, איר וועט געבן קוילן, צי ניין? — מאַכט זיך דער הויקער מוט און ווערט ווייַס ווי די וואַנט.

— פון וואַנען זאָלן מיר נעמען? וואָס, מיר האָבן אייגענע קוילן־גריבער? אדרבא, נעמט איר די שליסלען פון דער קאַסע, צעטיילט איר; זייַט איר דאָזאָרעס, וועלן מיר דענסט מאָל זען, אויב איר וועט אויך זייַן אַזעלכע גוטע מענטשן, איר מיינט, אַז איר אַליין האָט נאָר אַ מאָנאָפּאָל אויף רחמנות? איך האָב אויך רחמנות, איך בין אויך אַזאַ גוטער מענטש ווי איר. זיי מיינען, אַז זיי אַליין האָבן אויסגעכאַפּט דאָס גאַנצע גוטסקייט.

— איר ווייסט, וואָס עס הייסט ווערן געפרוירן? מענטשן קאָנען נישט אַרבעטן פאַר קעלט, זיי פאַרברענען די לעצטע שטיקלעך מעבל פון די שטיבן, האָבן זיך נישט וווּ אויסצובאַהאַלטן, ווייסן נישט וווּ צו אַנטלויפן. איר ווייסט? איר ווייסט? — שרייַט אים רחל־לאה אין פּנים אַרייַן.

— אוודאי ווייס איך, וואָס דען, איך ווייס נישט? אדרבא, גיט טאַקע אַן עצה דערויף, וואָס צו טאָן.

— וואָס, די גמינע האָט קיין געלט נישט?

— איך האָב דאָך אייך געזאָגט, נעמט איר די שליסלען און צעטיילט איר, זייַט איר דאָזאָרעס.

— מיט אייַך קאָן מען נישט רעדן, מיט אייַך קאָן מען נאָר אָט וואָס... — און רחל־לאה הייבט אויף אַ פויסט און פאַרלאָזט דאָס דאָזאָרשטיבל.

— אָ, דאָס איז נישט שיין. איר זענט דאָך עפּעס אַן אָרענטלעך מענטש, — זאָגט דער דאָזאָר.

דער עולם, וואָס האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן רעזולטאַט פון די אונטערהאַנדלונגען, האָט זיך דערווייַל געמאַכט אילוזיעס — אַז נישט נאָר קוילן, זיי וועלן אויך באַקומען קאַרטאָפליעס, קרויט און אפילו ברויט פון דער גמינע. ס'האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דאָס ווערט איצט דאָרט דערינען פאַר זיי באַשאַפן, געצויגן פון דער ערד אַרויס. און כאָטש מיט די מייַלער האָבן זיי אַנדערש גערעדט און געברומט: „עס וועט גאָרנישט זייַן", אָבער אינעם געדאַנק האָבן זיי געהאַט פיל האָפענונג און באַפּייַכט זייערע אויסגעליידיקטע מאָגנס מיט טעמעס פון שפּייַזן.

קאָן מען זיך פאָרשטעלן די נידערגעשלאָגנקייט, וואָס האָט געהערשט אין דער ערשטער מינוט, און באַלד דערנאָך דער כסדרדיקער אויסגעשריי, ווען רחל־לאה איז אַראָפּגעקומען און געוואָרפן אין די אויפגעעפנטע אויגן פון דער מאַסע דאָס אָפּטויטנדיקע וואָרט:

— מען קאָן גאָרנישט מאַכן, אַ האַרץ פון אַ שטיין.

דער עולם האָט אַ מינוט געשוויגן אין זייַן פאַרלוירנקייט. באַלד האָט ווער אויסגעשריען. ס'איז געווען מרדכי דער הויקער, וואָס איז נאָכגעגאַנגען רחל־לאהן:

— נאָר דאָ איין וועג: צונעמען „בעגראַנדע" (מיט געוואַלד).

דערהערט דאָס וואָרט „בעגראַנדע", איז אַ פלאַקער פייַער אַרייַן אין דער אויפגערעגטען מאַסע. אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. אפילו די חסידישע ייִדן האָבן אָנגעהויבן צו שאָקלען זיך ווי ביי אַ פרום געבעט; געביסן די פאַרפרוילטע, פאַראייַזטע וואָנצעס אין די ציין, געריסן זיך ביי די בערד, געשאָקלט זיך און געברומט מיט אויפרעגונג:

— עס איז דאָך אומדערהערט.

— אַ האַרץ פון אַ טאָטער, מענטשן לאָזן אונטערגיין אין אַזאַ צייַט — האָבן ווייַבער געיאָמערט.

פונעם עולם האָט זיך אַרויסגערוקט חיימל „פערד". די הענט טיף פאַרשטעקט אין די הויזן־קעשענעס, איז ער געגאַנגען באַוועגנדיק מיט די אַקסלען. זייַנע אויגן, און נאָך מער דאָס האַלבפאַרקלעפּטע אויג מיטן בלאָטער, האָבן פון אונטער דעם לעדערנעם דאַשעק אָנגעזאָגט אויף נישט קיין גוטס. ער האָט זיך צוגערוקט צו רחל־לאהן און אַ ברום־געטאָן:

— וואָס הייסט איר טאָן, בעל־הביתטע?

— ווייסט נישט וואָס צו טאָן? — זאָגט וועלוול — זאָל ער נאָר קומען אין מייַנע הענט.

די אויפרעגונג איז וואָס אַ מאָל מער געוואַקסן צווישן דעם עולם. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ווען דער געלער דאָזאָר וועט זיך באַווייַזן, אַזוי וועלן זיי אים צעטראָגן נאָר אויף איין ווונק, נאָר אויף איין וואָרט פון רחל־לאהן.

און דער דאָזאָר האָט זיך באַוויזן אין דער טיר. ער האָט אויסגעקוקט זייער פרום, מיט אַ כשר־חזיר־פּנים, צושאָקלענדיק זיך און רייַבנדיק זיך דערביי די הענט. עס זענען געוואָרן געווענדט צו אים אויגן, פול מיט פאָספאָר־פייַער, ווי אָנגעריבענע שוועבל, וואָס וואַרט נאָר אויף אַ פונק, — כאָטש דער עולם האָט דערווייַל געשוויגן פאַר אויפרעגונג און נייַגעריקייט צו הערן, וואָס ער האָט צו זאָגן. דער דאָזאָר האָט זיך אָבער גאָרנישט געמאַכט פון די בייזע מינעס און בליקן. ער האָט זיך אָנגעהויבן פרום צו שאָקלען און געפרעגט פרום:

— צי ווילט איר קוילן, צי ווילט איר עפּעס אַנדערש?

— אוודאי ווילן מיר קוילן.

— אַזוי זאָגט. די גמינע האָט שוין טאַקע געזאָרגט דערפאַר. מ'הייבט שוין אָן אַרויסגעבן די קוויטלעך אויף קוילן.

דער עולם האָט אָנגענעם איבערראַשט אָפּגעאָטעמט.

— און קאַרטאָפּלעס, פּאַניע לעבן? — האָט געפרעגט אַ פריילעך־פאַרוווּנדערטע, האָפענונגס־זינגענדיקע שטימע פון אַ מאַמען.

— און קאַרטאָפלעס וועלן מיר אײַך צעטיילן, — זאָגט דער דאָזאָר — מיט דער צײַט וועלן מיר צעטיילן. וואָס דען, זיי וועלן אײַך עפּעס געבן? — ווײַזט ער אויף די פאַרוווּנדערט־שטייענדיקע רחל־לאהן מיטן הויקער.

— זיי מיינען דען אײַערע קוילן? זיי מיינען דאָך עפּעס אַנדערש... — זאָגט דער דאָזאָר אַרויס דעם „עפּעס אַנדערש" מיט אַ פול־באַדײַטנדיקן גמרא־ניגון, און ווינקט צו מיט די אויגן, — הע, הע, הע.

דער עולם, וואָס איז פאַר אַ מינוט פריִער, אויף איין ווּוּנק פון רחל־לאהן, גרייט געווען דעם דאָזאָר צו צערײַסן, האָט בײַ די האָפענונגס־געבנדיקע ווערטער פונעם דאָזאָר שוין זי אין גאַנצן פאַרלאָזט און אַריבערגעגאַנגען צו אים. כדי צו געפעלן דעם דאָזאָר, האָבן זיי תיכף אויפגעכאַפּט דעם מיין פון זײַן זינגענדיקן „עפּעס אַנדערש" און טייל האָבן אונטערגעכאַפּט דעם „הע, הע, הע".

רחל־לאה איז געשטאַנען אַ פאַרוווּנדערטע. זי האָט נישט געוווּסט, וואָס עס איז געשען. זי האָט דערפילט ווי אַ קאַלטער ווינט וואָלט זי אַרומגענומען. לעבן איר זענען נאָך געשטאַנען אירע געטרײַע באַגלייטערס: דער הויקער, הענעך סטאָליער, וועלוול אפילו. נאָר חיימל „פערד" האָט זיך שוין מיטן איבעריקן עולם,מיט די פרומע ייִדן, מיט די ווײַבער און קינדער, מיט גלאַט אָרעמע־לײַט זיך געוויקלט אַרום דעם דאָזאָר, וואָס אַלע האָבן איצט אַרומגערינגלט מיט אויסגעשטרעקטע הענט. טייל האָבן אויפגעהויבן צו אים די קינדער, אַנדערע האָבן געוויזן טיילן פון זייערע נאַקעטע לײַבער, די אויסגעפּראַלטע בריסטן פון די צעריסענע קליידער.

— דאָזאָר לעבן, הונדערט יאָר זאָלט איר לעבן, ווען וועט מען אָנהייבן צו טיילן?

— טאַקע באַלד, טאַקע באַלד, קיין איין מינוט נישט פאַרשפּעטיקן. וואָס דען, פון זיי וועט איר עפּעס האָבן? — ווײַזט ער שוין איצט מיט דרייסטקייט אויף דער אין ווינקל־שטייענדיקער רחל־לאה — עס ליגט זיי, מיינט איר, אַ סך אין זינען אײַערע קוילן, אַז זיי מיינען גאָר עפּעס אַנדערש. הע, הע, הע.

און פאַרכריפּעטע הייזעריקע סוכאָטנע קולות האָבן שוין איצט משונהדיק מיטגעלאַכט הויך אויפן קול: „הע, הע, הע, — זיי מיינען גאָר עפּעס אַנדערש".

— דאָזאָר לעבן, איר זענט דאָך אונדזער איינציקער שפּײַזער, — שטרעקט אַ ייִדענע אַ ברודיק קינד צו אים אַרויס.

— דאָזאָר לעבן, איר זענט אַ פאָטער צו אונדזערע קינדער.

— גאָט צו ערשט, דערנאָך ער! — ווײַזן די ווײַבער אויפן דאָזאָר.

רחל־לאה מיט איר קאָמאַנדע האָבן זיך אָפּגעטראָגן פאַרשעמטע. ווען זי איז דערנאָך אַהיימגעקומען אַ צעבראָכענע, אַ קראַנקע פאַר אָנמאַכט, האָט זיך פרוי הורוויץ אַוועקגעזעצט אין איר ווינקל, אָנגעלענט איר קאָפּ אויף ביידע הענט, געביסן די ליפּ און עפּעס געמורמלט ווערטער, צעקײַענדיק זיי אינעם בײַסן.

פון דער צווייטער שטוב איז דער גימנאַזיסט אַרויסגעקומען. דערזען די מאַמען אין דער שטימונג, האָט ער שוין אַלץ געוווּסט, אָנגערופן זיך מיט אַ שמייכל:

— איך האָב דער מאַמען באַלד געזאָגט, אַז זי זאָל זיך נישט אָפּגעבן מיט פילאַנטראָפּיע, עס איז נאָר דאָ איין עצה...

רחל־לאה, וואָס האָט איצט דאָס זעלבע געקלערט, וואָס איר ייִנגל און מורא געהאַט צו דערקלערן, האָט איצט באַמערקט אַ נײַעם ריס אין זײַנע הויזן. האָט זי זיך אין דעם אָנגעכאַפּט:

— הער נאָר, דו וועסט אויפהערן? קוק בעסער אָן דײַנע הויזן. איך האָב שוין מער קיין כוחות נישט צו זיי...

אַלטער קאַציזנע

„שטאַרקע און שוואַכע“

(פראַגמענט)

אַ מאָל איז דאָ געווען דאָס האַרץ פון וואַרשע — אָט דער לאַבירינט שמאָלינקע געסלעך צווישן הויכע גרויע מויערן. איצט איז דאָס אַן אָפּגעלעגן אָרט, אַ פאַרצייַטיקער אָנוווּקס אויפן גוף פון דער הײַנטוועלטיקער שטאָט, ווו דאָס בלוט פליסט אַנדערש און ווו אַנדערש שלאָגט דער דופק.

דער מקום — ווי יִדן רופן די אַלטשטאָט — האָט זײַן אייגענעם אָטעם, זײַן אייגענער לופט, וואָס זי גיסט זיך נישט צוזאַמען מיט דער לופט פון גאַנץ וואַרשע. אויך די אײַנוווינער פון מקום האָבן אַן אַנדער אויסזען, סײַ די יִדן, סײַ די קריסטן. פאַרוועלקטע זענען זיי, די אײַנוווינער פון מקום, ווי דער שטויב פון פאַרגאַנגענע דורות וואָלט צו זיי צוגעשטאַנען, זיך אַרײַנגעפרעסן אין די פאַלבן פון זייערע קליידער, אין די קנייטשן פון זייערע פנימער. און גרוי זענען זיי.

זיי טראָגן מיט זיך דעם שאָטן פון די ענגע געסלעך צווישן הויכע מויערן. אָט שאַרן זיי זיך פאַזע וואַנט, איבער די שמאָלע טרעטערס, ווי קינדער, וואָס רײַבן זיך אָן דער מאַמעס קני. און די מאַמעס — די מויערן, זענען שמאָל און הויך און, דאַכט זיך, זיי שטייען, די מויערן, אויף געשוואָלענע קני, אונטן זענען זיי ברייטער ווי אויבן, די גרויע וואַנט גליטשט זיך אַראָפּ אויפן שמאָלן טרעטער אין אַ משופּעדיקן אָנשפּאַר, כדי נישט אײַנצופאַלן. קיין טויערן זענען דאָ נישטאָ. שמאָלע געוועלביקע טירן מיט פאַרצייַטיקן שמירעכץ פירן פון דער גאַס אין פינצטער־געוועלבטע קאָרידאָרן אַרײַן. און בײַ טאָג דורך זייער פינצטערניש, אין אָוונט — דורך דעם אייינציקן לאַמטערן, וואָס הענגט פון געוועלב אַראָפּ, אָטעמען אַרויס די שמאָלע געוועלבן אַ שרעק און אַ וואָרנונג אויף דער ענגער גאַס: היט אײַך, מענטשן! פאַראַן מכשפות אויף דער וועלט! און שדים לויערן אין יעדן ווינקל. און מענטשן שלעכטע, נאָך ערגער פאַר שדים, האָבן זיך פאַרטײַעט אין זייער פאַרבאָרגעניש.

נישט אומזיסט זענען פאַראַן אין דער הויך פון ערשטן שטאָק נישעס אין די גראָבע ווענט. און דאָרט שטייען צוגעשמידט אין זייער אייביקער וואַך מאַדאָנעס און הייליקע. און ווי אַלט און ווי אָפּגעלאָזט די ווענט זאָלן נישט זײַן — די מאַדאָנעס מיט די הייליקע גלאַנצן מיט דעם הימל־בלויען אויל־פאַרב פון זייערע פרישאָפּגעמאָלטע קליידער, טראָגן פרישע קרענצלעך אויף די קעפּ — אַ פאַרגיטיקונג פאַר זייער אייביקער וואַכזאַמקייט.

מענטשן גייען — שאָטנס אויף דער שאָטנדיקער גאַס. און רײַסט זיך אַרײַן אַ שטיקל זון צווישן די הויכע מויערן, — דאַן ווערט די גאַנצע גאַס צעבראָכן אויף שפּיציקע ווינקלען און קרומע ליניעס. דאַכט זיך, די גאַס צעפאַלט זיך, דאַכט זיך די שאָטנמענטשן לויפן זיך ראַטעווען, וואָס גיכער פון לעכערדיקן אַרבל ארויס אַהין, אויפן אַלטן מאַרק, און דאָרט, אויף דער פולער זון, צו קריגן אַ תיקון.

אויב אַלטשטאָט איז דאָס אַמאָליקע האַרץ פון וואַרשע, איז דער אַלטער מאַרק — דאָס האַרץ פון דעם האַרץ.

אַ גרויס פּירעקיק קעסטל איז דער אַלטער מאַרק. זײַנע ווענט זענען צו פיר ציילן הויכע שמאָלע מויערן, הויכע צו פינף און זעקס שטאָק, שמאָלע — צו דרײַ און צו פיר פענצטער. און אַלע מויערן זענען דאָ גרוי און אַלט, דאַכט זיך, אַלע אַזוי ענלעך. און דאָך — באַזונדערע זענען זיי. יעדער מויער מיט זײַן פּנים, מיט זײַן חנדל פון אַן אָפּגעקומענעם מיוחס. גרויסע אינדיווידואַליסטן זענען זיי, די מויערן פונעם אַלטן מאַרק. וואָס האַלט זיי דאָ צוזאַמען, אַקסל צו אַקסל צוגעפּרעסט אין ענגשאַפט — האָבן זיי זיך פאַרקוקט מיט די אָנבערעמענדיקע אויגן, אויף דער וואַסער־פאַננע, וואָס זיצט אויף איר פּאָסטומענט אין מיטן געפלאַסטערטן פלאַץ. אַ מכשפה איז זי, די וואַרשעווער וואַסער־פאַננע, מיט פאַרשײַטע בריסטן און מיט אַ פאַרדרייטן שיפּן־עק. מיט איר שילד און מיט איר שווערד, וואָס זי האַלט אין אירע הענט, האָט זי צוגעכישופט צו זיך די אַלטע הויכע מויערן מיט זייערע מאַדאָנעס, מיט זייערע הייליקע, און די אַלטע שטיינערנע אינדיווידואַליסטן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין פיר ציילן און פאַרשלאָסן דעם פלאַץ אין אַ קעסטל.

איז געוואָרן אויס פלאַץ, נאָר אַ ריזיקער צימער אָן אַ דאַך. אַ קהלישער צימער צום געברויך פון די היגע אײַנוווינער.

קינדערלעך שפּילן זיך אין יאָגעניש אַרום דער וואַסער־פאַננע. ווײַט אַנטלויפן קאָנען זיי נישט. אויך זיי האָט זי צוגעכישופט. עלטערע פרויען זיצן אויף די שטיינערנע טרעפּלעך פון פּאָסטומענט, ציילן די זאָקן־אויגלעך און באַקלאָגן זיך אויף זייערע ביטערע מזלות. איינע אויף דעם, וואָס דער אַלטער פאַרדינט נישט, די צווייטע — וואָס דער אַלטער שיכורט און שלאָגט זי, די דריטע איז זיי ביידן מקנא: איר אַלטער איז שוין לאַנג אַ שוכן־עפר.

אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן לאָזן זיך אַרויס אַרבעטער אין בלויע וועסטלעך מיט פּאַפּיראָסן אין מויל, כאַפּן אַ שמועס בײַ דער וואַסער־פאַננע.

אייגענע מענטשן, אַן אייגענע שטוב, נאָר אָן אַ דאַך, דער פאַר קאָן מען כאָטש אָפּעטעמען פרײַ.

יִדן מיט קריסטן פילן זיך דאָ נעענטער און היימישער, ווי ערגעץ אַנדערש. די מויערן האָבן זיי דאָ, צוזאַמענגעשטופּט אין ענגשאַפט. די שווערע נויט דריקט אַלעמען גלײַך, קיין גבירים וווינען נישט אויף אַלטשטאָט. און די שאָטנס פון פאַרגאַנגענע דורות וועבן זיי צוזאַמען מיט אַ געמיינזאַמען סדר.

אַרויסגענומען פון דער „אַנטאָלאָגיע פון דער יִדישער פּראָזע אין פוילן.“

משה דוויד גיסער

„אלט וואַרשע"

(פראַגמענט)

שמאָלער „דונאַי", פירסט צום ברייטן, —
ס׳איז דייַן שטח ענג און קאַרג,
ברייט צועפנסטו די קלייטן
און פאַרנעמסט זיך צו דעם מאַרק.
לאָזט דאָס גרינס אויף טישן גרינען,
געלע מייערן שמעקן פריש
און די מענטשן, ווי די בינען —
ראָיען אין אַ ווילד געמיש.

ס׳פרעגלען זיך די פּאָמידאָרן
אויף דער זון ווי ראַקעס רויט,
און עס ברעכן זיך די טישן
פון די ברוינע לעבלעך ברויט.

הערינג פוילן אין די מונען —
ווייַבער פּאָרקען זיך מיט זיי,
ס׳ליאָגער ווערט אין גאָלד צערונען
אונטער הענט פאַרפוילטע צוויי.
געלע זאַפּטיקע מאָרעלן,
לאָזן ס׳אויג נישט ווייַטער גיין,
און די אַגרעסן די גרינע
מאַכן האַרב אין מויל די ציין.
ווייַמפּערלעך, ווי רויטע טראָפּנס,
פייַכטער סאַלאַט, פרישער שטשאַוו
ליגן בייַ דעם קרויט צוקאָפּנס; —
און אַ גרויסער ערב רב —
יידן, גוים, סטאַשקעס, מאַגדעס —
מיט פאַרשאַרצטע ברייטע נעז,
שלעפּן קוישן פול מיט יאַגדעס —
ברענגען שנייִיק־פּוכלען קעז.

לאָז ס׳געוויש פון מאַרק אַריבער, —
און פאַרנעם דעם „שוואַרצן שוואַן",
גיי צום „מקום", קוק זיך איבער
מיטן שפּיץ פון „שוויענטי יאַן".
זע, ווי ס׳דראַפּען זיך די דעכער
און מיט שטוינען אַלץ באַקוק,
בלויז אַ טורעם רייַסט זיך העכער —
אָבער אונטן אויפן ברוק
שטייט פאַרגליווערט די סירענע —
וואַרשעס היטנדיקער הערב, —
האַלט אין האַנט אַ שווערד אַ ברייטע,
אויסגעבויגן ווי אַ סערפּ.
און דער אויפגערוימטער „מקום",
וו׳ ס׳האָט לעבן פול גערוישט,
ליגט אַ לאַכנדיקער זקן
וואָס האָט אַלץ אויף רו פאַרטוישט.

ס׳גליט אַ גלאַנץ נאָך אין די שויבן,
ס׳שפּייַען קוימענס נאָך מיט רויך,
און ווי שטענדיק פליִען טויבן
טשאַטעטנווייַז צום הימל הייך

פרייַדיקס, שרעקלעכס, אומגעהויערס
ליגט באַהאַלטן אין די ווענט,
בלוט און פלייש פון גאַנצע דורות
רוט אויף יעדן פונדאַמענט.

(פונעם בוך פּאָעמען און באַלאַדן)

יעקב מילך

דער הויף אויף ניסקע-גאַס

אויטאָביאָגראַפישע סקיצן

דער הויף אויף ניסקע־גאַס, וווּ מיר האָבן געוווינט, שײַנט מיר, פאַרדינט אַן אָרט אין דער באַשרײַבונג.

ווי מען האָט מיר דערציילט, האָט דער נומער פון דעם הויז זיך געענדערט. דער הײַנטיקער נומער איז 53. דעמאָלט אָבער איז דאָס הויז געווען באַקאַנט אַלס נומער 17 ניסקע. צי עס האָט זיך אויך געענדערט די פיזיאָנאָמיע פון דעם הויז — איז מיר נישט באַקאַנט.

עס איז איינגנטלעך נישט ריכטיק צו באַצייכענען יענעם קאָנגלאָמעראַט פון מענטשן מיטן נאָמען „הויף”. אַ „שטאָט”, לכל הפחות אַ קליין יִדיש שטעטל, וואָלט געווען אַ פּאַסנדיקערע באַצייכענונג. און אַ קליין יִדיש שטעטל, מיט אַלע זײַנע כאַראַקטערשטריכן, איז דער הויף געווען.

דער ווירט פונעם הויז איז געווען אַן אַלטער פּאָליאַק, מיט ברייטע און דיקע וואָנצעס, אַן אויסגעדינטער אַרמיי־קאַפּיטאַן נאָך פון די פּאָווסטאַניע־צײַטן. ער האָט ליב געהאַט געפילטע פיש און — מיר שײַנט — די יִדישע מיידלעך, ווי געוויינלעך. ער האָט געוווינט אין אַ קליין איינשטאָקיק הײַזל וואָס איז ספּעציעל געווען אויפגעבויט פאַר אים און זײַן פאַמיליע נעבן דעם הויפּט־הויז.

דער פירער פון דעם הויז, דער „דזשאָנצע” איז געווען אַן אַלטער משומד, אפשר 70 יאָר אַלט, מיט דעם נאָמען טשערניאַקאָוו. דער דאָזיקער משומד איז געווען אַן אַלטער בחור, אַ כלב שבכלבים, אַן אמתער שונא־ישראל און אַן אכזר, וואָס האָט נישט געוווּסט פון קיין יושר און קיין רחמנות. דעם אַכטן פון יעדן חודש האָט מען געמוזט אַרײַנטראָגן דאָס דירה־געלט, אַז נישט איז געקומען דער „קאָמאָרניק” האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל, האָט אַרויפגעלייגט חתימות מיט טריוואַקס אויף די בעבעכעס, און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געווען „ליציטאַציע”, אויב מען האָט נישט דערווײַל באַצאָלט מיט קאָסטן. „פשאַ קרעוו, זשידזשע”, איז געווען כמעט דאָס איינציקע וואָרט, וואָס מען האָט פון אים געהערט. דער סטרוזש האָט זיך גאָר אויסגעריכט אַ שוואַרציאָר פון אים. אפילו דער ווירט האָט פאַר אים מורא געהאַט. די שכנים פלעגן אים רופן: „דער משוגענער הונט”. צו קוקן אויף אים איז געווען קאָמיש. ער האָט געהאַט אַ ביסל אַן אײַנגעהויקערטע פּלייצע. ווען ער איז געגאַנגען האָט ער געשאַרט מיט די פיס, און ווען ער האָט זיך געאײַלט, האָט ער געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ האָן, ווען ער יאָגט זיך נאָך די הינער. זומער און ווינטער, דרויסן האָט געמעגט זײַן ווי שיין, האָט ער געטראָגן אַ פּאַראַסאָל אָנגעהאָנגען אויף דער האַנטגעלענק.

מיר, די קליינע חברה, זענען געווען די איינציקע, וואָס זענען אים דערגאַנגען די יאָרן. ווען ער פלעגט דורכגיין דעם הויף, פלעגן מיר זיך באַהאַלטן און שרײַען מיט משונהדיקע קולות: „פשאַ קרעוו משומד — פּאַציאַזש”, האָט ער אָבער אַ מאָל איינעם פון אונדז געכאַפּט, איז מען נישט געווען זיכער מיטן לעבן. זומער און ווינטער, רעגן אָדער זונשײַן, ווי געזאָגט, איז ער געווען באַוואָפנט מיט אַ רעגנשירעם, און ער פלעגט אַ מאָל נאָכוואַרפן דעם פּאַראַסאָל, ווען ער איז געווען זייער בייז, וואָס ער האָט קיינעם נישט געקענט כאַפּן.

דער ווירט, דער דזשאָנצע און דער סטרוזש, וואָס האָט אויך געדינט אַלס דער שבת־גוי — דאָס איז געווען די קריסטלעכע און הערשנדיקע „באַפעלקערונג” אין אונדזער שטעטל. עס מאַכט נישט אויס, וואָס זיי זענען געווען די מינאָריטעט: עס מאַכט נישט אויס, וואָס דער סטרוזש פלעגט אַראָפּנעמען דאָס היטל, ווען ער איז שבת אַרײַנגעקומען אַראָפּנעמען די לײַכטער און האָט געזאָגט „דזענקויע פּאַנו”; ווען מען האָט אים געגעבן אַ טרונק בראָנפן און אַ שטיק חלה — ער האָט באַלאַנגט צו דער הערשנדיקער מאַכט.

די „אונטערטאַנען”, די מאַיאָריטעט פון דער באַפעלקערונג, איז באַשטאַנען פון אַן עדה יִדן און יִדענעס, יִנגלעך און מיידלעך, בחורים און כלות פון אַלע מינים, פון אַלע שאַטירונגען און מיינונגען.

דער הויף איז געווען אַ גרויסער, פירעקיקער קאַסטן, וואָס איז געווען פאַרבויט די גאַנצע לענג, ריכטיקער די ברייט, פון פראָנט מיט אַ צוויישטאָקיק, הילצערן הויז, און צוויי „אָפיצינעס” אינעווייניק. אַרום און אַרום די וווינונגס־הייזער אין דעם הויף זענען געשטאַנען הילצערנע „קאָמורקעס”. יעדער שכן האָט צוגעקראָגן צו זײַן וווינונג אַ הילצערנע „קאָמורקע”. אין די „קאָמורקעס” פלעגט מען האַלטן אַלטוואַרג, די פּסחדיקע געשיר, שעניקעס, וואָס מען האָט נישט געקענט אַרײַנפּאַסן אין די בעטן, אַ ביסל אָנגעהאַקטע האָלץ אויף ווינטער, און די ווינטערדיקע מלבושים אין זומער.

צו דער גאַס צו, אין דעם פראָנטהויז, איז קודם־כל געווען אַ שפּײַז־געוועלבל. אינעווייניק פון הויף איז געווען אַ שילעכל צום דאַוונען, אַן אַנדער מין געוועלבל, אָן שפּײַז; אַ יִיד האָט פאַרמאָגט עטלעכע ספרי־תורות, אַ „שיוויתי”, אַ פּרוכת מיט אויסגענייטע „לייבן”, האָט ער אָפּגעדינגען צוויי צימערן מיט באַזונדערע אַרײַנגאַנגען, האָט אויפגעשלאָגן אַן אָרון־קודש, אַ בעלעמער, עטלעכע שטענדערס, אַ פּאָר לאַנגע בענק פון געפאַרבטע ברעטער, האָט דאָס אַ נאָמען געגעבן: „בית־הכנסת” און זײַן „געוועלבל” איז געווען פערטיק צו באַדינען קונים. און די „קונים” זענען געקומען, אַ בעל־תפילה, אַ בעל־קורא, אַ בעל־שחרית אָדער אַ בעל תוקע אויף ימים־

נוראים האָט ער נישט געדאַרפט. אַ ביסל איז ער אַליין געווען אַ מושלם אין די קונסטן, און דאָס איבעריקע האָבן די בעלי־הבתים אַליין צוגעשטעלט. יעדער האָט גענוג פון די טאַלענטן צווישן זיך. מען פלעגט זיך נאָך רײַסן פאַר די כבודים.

דאָס זענען געווען די „אינסטיטוציעס", ווען מען זאָל נישט אַרײַנרעכענען די חברה ביקור־חולים, פון אונדזער הויף.

צו דעם זענען צוגעקומען עטלעכע שכנים, וואָס יעדער פון זיי איז געווען אַן אינסטיטוציע פאַר זיך אַליין. פאַר אַלעמען איז געווען ישראל דער שנײַדער. ער איז געווען אַ נידעריקער, אַ דיקלעכער ייִד, מיט אַ גרויסער גרויער באָרד, אַ ברייטער נאָז, דיקע ברעמען און ברילן אויף דעם שטערן. די ברילן האָבן אויסגעזען צו זײַן אַ טייל פון דעם שטערן. איך האָב אים קיין מאָל נישט געזען אָן די ברילן, און ער האָט זיי קיין מאָל נישט געטראָגן אַנדערש ווי אויף דעם שטערן. ישראל דער שנײַדער איז געווען דער עלטסטער, און פאַר אונדז, די יונגע חברה, דער חשובסטער. מיר האָבן אַלע געמוזט אָנקומען צו אים. ער איז געווען דער הויף־שנײַדער, און מיר זענען געווען זײַנע הויפּט־קונדן. ער פלעגט מייסטנס איבערניצעווען די אויסגעטראָגענע מלבושים פון די טאַטעס פאַר די קינדער, און ער איז געווען אַ מאָדים אין זײַן פאַך. מען האָט באַדאַרפט זען די „בגדי מלכות", וואָס ער האָט אויסגענייט פון די אַלטע שמאַטעס! גאָרנישט צו דערקענען. קיין יתור האָט ער נישט גענומען.

פיוול דער שוסטער איז געווען נאָך איינער פון אונדזערע חשובע בעלי־בתים. בײַ אים איז שוין געווען אַ גאַנצע פאַבריק, און ער האָט געמאַכט נאָר נײַע אַרבעט: שטיוול מיט הויכע אָפּצאַסן און לאַנגע כאַלעוועס, וואָס האָבן זיך געקנייטשט און געוואָרפן; קאַמאַשן פאַר מענער און פרויען און לאַקירטע שטיוועלעך פאַר רײַכע ייִנגלעך. פון זײַנע שטיוול האָבן געסקריפּעט, אַז עס איז געווען אַ מחיה. וויפל מאָל האָב איך געוויינט און געבעטן מען זאָל פאַר מיר באַשטעלן שטיוועלעך בײַ פיוול דעם שוסטער! אָבער דאָס איז קיין מאָל נישט געשען. ווער האָט דאָס געקענט אָנקומען צו אַזאַ יקרן?

אחוץ די אויבן אויסגערעכנטע האָט אונדזער הויף פאַרמאָגט אַן אייגענעם „קראָוויאַזש". די קי האָט ער געהאַלטן אין איינעם פון די קעמערלעך, וואָס ער האָט גערופן אַ שטאַל. די קי האָבן אים געגעבן פרנסה בכבוד, נישט מער ווען ס'איז קאַליע געוואָרן דער ברונעם און מען האָט געמוזט גנבנען וואַסער פון אַן אַנדער הויף, האָבן די שכנים געזאָגט, אַז אין דעם איז שולדיק דער קראָוויאַזש. ער האָט דאָס אויסגעשעפּט דעם ברונעם פאַר זײַן פרישער מילך.

ר' שלמה דער קוילנהענדלער איז געווען אַן אַנדערער פון אונדזערע שכנים. ער איז געווען אַ וואָרקער חסיד, אַ ברייט ביניקער ייִד, מיט אַ ברייטן פנים. ער האָט געהאַט אַ סקלאַד פון שטיינקוילן אויף דער דזשיקע־גאַס, צווישן ניסקע און נײַע־מילע. ער איז געווען דער נגיד פון דעם הויף, יעדן ראש־חודש איז בײַ אים אין הויז געווען אַ חסידישע הוליאַנקע, ווו עס האָט זיך געגאָסן בראָנפן ווי וואַסער און די חסידים האָבן געטאַנצט מיט פאַרקאַטשעטע פאָלעס און האָבן געזונגען חסידישע ניגונים.

אַנטקעגן איבער דעם קוילנהענדלער האָט געוווינט דער פאָוואָנזקער רבי, אַ ייִד וואָס איז געווען אַ רבי פון ווײַבער, ד"ה, אַז ווײַבער פלעגן צו אים קומען מיט קוויטלעך. ער איז געווען אַלט, פאַרלאָזן, פאַראַליזירט אויף איין זײַט און שטום. זומער פלעגט ער אַרומגיין אין הויף אין אַ שטרײַמל, אָן אַ קאַפּאָטע, מיט אַ גרויסן טלית־קטן מיט די ציצית כמעט ביז דער ערד, מיט אַ גראָבן שטעקן אין דער האַנט. אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט, צי ער דאַוונט, צי ער רעדט, צי ער בענטשט, צי ער שעלט. פון צײַט צו צײַט פלעגן נאָך אַ מאָל קומען צו אים עלטערע ווײַבער מיט קוויטלעך און אַ פדיון — פון די אַלטע חסידים, מין הסתם.

אויף דעם ערשטן שטאָק איבער דעם פאָוואָנזקער רבין, האָט געוווינט אַ סטודענט פון מעדיצין, מיט זײַן מוטער און אַ שוועסטער, אַן עלטערע „פאַניענקע", אויף וועמען מען האָט געמורמלט, אַז אין איר איז פאַרליבט אַ רוסישער אָפיציר.

ווײַטער האָט אויף דעם הויף געוווינט שלמה דער דראָשקאַזש, וואָס האָט געהאַט צוויי דראָזשקעס, צוויי פאָר פערד און אַ משרת. דער משרת פלעגט קריגן פינף גילדן אַ וואָך שכירות, אָבער געלעבט האָט ער אַזוי בכבוד ווי זײַן בעל־הבית. ווען מען האָט געפרעגט דעם דראָשקאַזש: ר' שלמה ווי אַזוי מיינט איר קען אײַער משרת אַזוי לעבן פאַר פינף גילדן אַ וואָך? ער מוז אוודאי גנבנען? האָט ער געענטפערט מיט אַ געלעכטער: וואָס הייסט פינף גאָלדן אַ וואָך? ווער קען דאָס לעבן מיט פינף גילדן אַ וואָך? דאָס גיב איך אַ צולאָג צו דעם, וואָס ער גנבעט. מײַן משרת איז אַן ערלעכער ייִד.

די איבעריקע אין הויף זענען: אַ דאַמסקע שנײַדער, אַ האַלב שטומע אַלמנה, וואָס איז געגאַנגען בעטלען; אַ ליטוואַק, וואָס האָט געגעבן מעשה ביכלעך צום לייענען; אַ משרת אין אַ מעל־האַנדל; אַ משרת אין אַ באַקאַלײַ־געשעפט. דער דאָזיקער „מענטש" איז געווען אַ ביאַלער חסיד: ער האָט געהאַט אַ ייִנגל, מרדכי־נח, מיט אַ ווײַס קעפל, מײַנער אַ חבר, און אַ מיידל, וואָס איז געוואָרן משוגע נאָך אַ קראַנקייט און פלעגט עסן פונעם מיסטקאַסטן, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן הויף. אַנטקעגן האָט געוווינט אַן אַלמנה, וואָס איר טאָכטער האָט גענייט העמטשקעס אויף אַ האַנט־מאַשינקע, בשותפות מיט מײַן עלטערער שוועסטער.

אַזוי איז געווען צוזאַמענגעשטעלט דער הויף, ווו איך האָב פאַרבראַכט די ערשטע באַוווּסטזיניקע יאָרן פון מײַן לעבן.

יוסף קירמאַן

הונגער

☆

(אַ פראַגמענט)

אַ ברויטל פון שוואַרצן מעל, וואָס האָט נישט דערוויגן צוויי פונט אפילו,
האָט מײַן טאַטע פאַר דעם גאַנצן הויזגעזינט אויף אַכט חלקים אויסגעטײלט —
אַן אָנבײַסן פאַר אונדז.
און אַז ס'האָט די מאַמע אין דער שטיל אָפּגעגעבן איר חלק ברויט די יִנגסטע פון איר לײַב,
פאַר די מיט ווייכע ביינדלעך נאָך, וואָס זענען געקראָכן אויף דער ערד,
און אַליין פון שוואַכקייט געמוזט זיך לייגן אינעם בעט —
זענען מיר, די עלטערע פון שטוב, צוגעשטאַנען צו איר:
„מאַמע עס אַליין, מאַמע!"
גאַנצע טעג זענען מײַנע ברידערלעך געזעסן בײַ דער מאַמען אויפן בעט
האָבן אירע זאָרגן אויפגעזיפצט בײַ זיי אין בלוט,
פון אירע רייד זענען אַלט געוואָרן זייערע פּנימלעך און געל
און נישט געגלוסט האָט זיי זיך לויפן שפּילן אויפן הויף.
זענען זיי נישט איין מאָל אָן דער מאַמעס ווילן אַוועק אין די גרויסע סקלאַדעס פון האָליץ
שפּענער קלויבן אין אַ זאַק,
אין גרויען אויפדערנאַכט האָט די מאַמע ס'האַרץ זיך אויסגעבלאָזן,
אינעם קאַלטן פײַער פון דער קיך די שפּענער צו דערברענען,
און נישט געקאָנט מיט אויפגעשוואָלענע אָדערן אין האַלדז
דערוואַרעמען ס'קאַלטע וואַסער אינעם טאָפּ.
זענען די ברידערלעך מײַנע, ווי לויזע זעק, צוגעפאַלן צו אירע פיס
און אַזוי אײַנגעשלאָפן אין די קליידער אויף דער ערד.
אַז די שווערע האַנט דער נויטס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אונדזער קאָפּ
זענען אַלע מיר — ווי פייגל אויפגעשוידערטע אין שרעק — צעלאָפן פון דער היים.
מײַנע שוועסטערן — יִנגע מיידלעך נאָך, מיט ווײַסע צאַרטע הענט,
מיט צעקעמטע גלאַטע האָר, פאַרפלאָכטענע אין שוואַרצע צעפּ האָבן זיך פאַרדינגען אין דער פרעמד,
הינטער טירן פון אַ פרעמדן הויז.
מײַנע ברידערלעך זענען נאָכגעלאָפן וועגענער אין גאַס
און נישט איין מאָל בײַם אַראָפּכאַפּן אַ שטיקל קויל, אַ טשאַפּע האָליץ,
אַ שמיץ געקריגן פון אַ בייטש,
אַז ס'זענען זיי אויפגעלאָפן די פּנימער און הענט
מיט בלויע ריטלעך — אָדערן פון בלוט.
מײַן טאַטע איז אַוועק אין אַ שטאָטישן שפּיטאָל
און מײַן מאַמע האָט דעם צער מיטגענומען,
פאַרשלאָסן אין דער ערד.

אברהם טייטלבוים

(פראַגמענט פונעם בוך „וואַרשעווער הויף")

וואָלאָווקע

אַנדערע טעג פול מיט דערוואַרטונג און האַרצקלאַפעניש פאַר אונדזער קליינוואַרג אין הויף זענען געווען די פאַרסכותדיקע, אָדער גיכער די פאַרפסחדיקע, ווען מען האָט געדאַרפט גיין אויף דער וואָלאָווע־גאַס קויפן אַ נײַע „אובראַניע" אָדער נײַע שיכעלעך אויף יום טוב. די „וואָלאָווקע" איז געווען דער צענטער, ווו מען האָט געקאָנט קריגן פון כל־טוב און ביליקע, נײַע און איבערהויפט גענוצטע קליידערוואַרק, היטלוואַרק און שיכוואַרק. מ'האָט זיך געקאָנט באַקליידן און באַשיכן פון קאָפ ביז די פיס פאַר אַ שיבוש. די „וואָלאָווקע" האָט געהאַט אַ שם מיט אירע גרויסע מציאות, אָבער אויך מיט איר קאָמישער אָפּנאַרערײַ. פאַרשידענע מעשיות פלעגט מען נאָכדערציילן, ווי אַזוי אייב די הענדלערס דאָרט האָבן אַרײַנגעקראָגן אַ „פראָווינצער פרײַער", האָט מען אים „אויסגעמאַכט אַן אויער", און אַהיים געשיקט מיט די אמתע מציאות. די געוועלבער זענען דאָרט אַלע געווען ענגע, טונקעלע, אָנגעלייגטע מיט קופעס סחורות. און ווען „אַזאַ איינער" איז אַרײַנגעקומען קויפן אַ קאָסטיום, למשל, האָט דער בעל־הבית פון געוועלב געגעבן אַ באַפעל צום ווײַב, אָדער צום משרת: „גיכער, גיכער, מאַך צו די טיר. די קאַץ וועט נאָך אַרויסלויפן". — דאָס האָט געמיינט, אַז אין געוועלב זאָל ווערן נאָך טונקעלער. און באַלד האָט מען זיך גענומען אָנמעסטן דעם קונה אַ קאָסטיום. מ'האָט אים גיך אָנגעטאָן עפּעס אַ מלבוש. איז עס געווען צו גרויס, האָט מען עס אים, אָנמעסטנדיק, פאַרשפּילעט פון פאָרנט און פון הינטן האָט מען צוגעהאַלטן דעם פאַלב וואָס מען האָט צוזאַמענגענומען. איז עס געווען צו קליין, האָט מען אומבאַמערקטערהייט אויפגעשניטן די הינטערשטע נאָט, כדי דער פאָרנט זאָל זיך קאָנען פאַרקנעפלען ווי ס'דאַרף צו זײַן. אַזוי האָט מען דעם קונה געדרייט פאַרן טונקעלן שפּיגל, געוויזן אים ווי גוט דער מלבוש ליגט אויף אים. געשווינד אויסגעדונגען דעם מקח, אײַנגעפּאַקט דעם מלבוש און אַהיים געשיקט דעם קונה מיט דער „מציאה". מ'האָט אויך דערציילט, אַז אייב אַ קונה האָט נישט גוט אַכטונג געגעבן, האָט ער געקאָנט אַהיים קומען מיט אײַנגעקויפטע צוויי לינקע שיך, אָדער צוויי רעכטע שטיוול.

אָבער דאָס זענען אַלץ געווען וויציקע איבערגעטריבענע מעשיות, וואָס די גרויסע האָבן ליב געהאַט צו דערציילן. דער אמת איז געווען, אַז די הענדלערס דאָרט זענען געווען פלינקע בריות, וואָס האָבן געפירט זייערע מציאה־געשעפטן מיט ברען און געפילדער. אַ גילדן אַרויף, אַ גילדן אַראָפּ, אַבי געהאַנדלט, אַבי געלייזט, אַבי געקויפט און פאַרקויפט וואָס דאָס האַרץ האָט נאָר געגלוסט, און וואָס אַ מויל האָט געקאָנט אַרויסרעדן. אַלטע זאַכן, נײַע, איבערגעניצעוועטע און פאַררינכטע.

און נאָך מער ווי די מענער, זענען געווען בריות די ווײַבערהענדלערקעס. דאָס זענען געווען ספּריטנע, געזונטע ייִדענעס, מערסטנס אין לאַנגע זשאַקעטן, אונטער וועלכע ס'האָבן געהאָנגען לעדערנע בײַטלען מיט דעם אײַנגעלייזטן געלט. מיט שייטלען אויף די קעפּ און שאַרפע לעבעדיקע אויגן, וואָס האָבן געקאָנט דערקענען דעם ריכטיקן קונה אַ מײַל פון דער ווײַטנס. און אַ מענה־לשון האָבן אָט די הענדלערקעס געהאַט, אויף חידושים צו גיין. זייער שפּראַך איז געווען פאַרביק, געדיכט און קלינגענדיק. מערסטן טיילס איז זייער אָרט געווען אין גאַס, נעבן די געוועלבער, בײַ די אויסגעשטעלטע טישלעך, וואָס זענען געווען פאַרלייגט מיט פאַלטענעס, רעקלעך, הויזן, היטלען, העמדער, שיך, שטיוול, קאָלירטע פאַטשיילעס און קינדערשע „אובראַניעס". זיי האָבן תמיד געפירט אַ טאָפּלטן געשפּרעך. דאָ מיט די קונים, וואָס האָבן באַטאַפּט די סחורות:

„פּאַניע לעבן, עץ „געשוועלט" ענק ניש, טאַ לאָץ ליגן, און הײַדאַ געגאַנגען!"

— און דאָ מיט די שכנישע ווײַבער הענדלערקעס פון איבערן וועג. אָנפילנדיק די גאַנצע גאַס מיט דעם רעש און געפילדער פון זייערע רופן און ענטפערס.

פאַר אונדז קינדער איז גיין אויף דער וואָלאָווע געווען אַן איבערלעבונג, אויף וועלכער מ'האָט געוואַרט חדשים לאַנג. אַרומגיין מיט דער מאַמען אָדער מיט אַ שוועסטער פון געוועלב צו געוועלב, זוכן אָנמעסטן, אָנטאָן און אויסטאָן, זיך אײַנהערן אין די אײַנרעדענישן, מיט וועלכע די הענדלערקעס האָבן געזוכט צו באַווײַזן וואָס פאַר אַ טײַערע סחורה, און וואָס פאַר אַ ווילדע מציאה דאָס איז. כאָטש כמעט תמיד איז אַזאַ גאַנג געווען פאַרבונדן מיט אַ סך קינדערשע האַרצווייטיק און טרערן. תמיד איז אָנגעגאַנגען דער שטענדיקער קאַמף: די מאַמע האָט אָנגעזאָגט אויסצוקלײַבן, אָדער האָט אַליין אויסגעקליבן אַלצדינג מיט צוויי מאָסן גרעסער — ס'זאָל זײַן אָרט פאַר וואַקסן... האָט מען אָנגעטאָן אַ קאָסטיומל, וואָס איז אָנשטאָט געלעגן, געהאָנגען פון די קינדערשע פּלייצעלעך, די אַרבל האָבן זיך נאָכגעשלעפּט, און ס'האַרץ האָט געקלעמט: ווי אַזוי וועט מען זיך באַווײַזן אין דעם פאַר די איבעריקע קינדער אין הויף...

האָט זיך אָנגעהויבן דאָס שטילע, טרערנדיקע דינגעניש מיט דער מאַמען אָדער שוועסטער, זי זאָל רחמנות האָבן און הייסן זיך געבן אַ קלענער קאָסטיומל, אָדער אַ קלענערע פּאָר שיכעלעך. אָבער אויסגעפירט האָט תמיד די אויסרעכענונג, אַז אַ ייִנגעלע שטייט נישט אויף אַן אָרט. מען וואַקסט און מען ווערט גרעסער. די איינציקע טרייסט איז נאָר געווען, וואָס יום־טוב, ווען מען האָט זיך שוין קוים דערוואַרט אָנצוטאָן די נײַע זאַכן פון דער „וואָלאָווקע", און זיך באַווײַזן מיט זיי אין הויף, האָט מען צו דער גרויסער פרייד דערזען, אַז אַלע קינדער דאַרפן וואַקסן, און אַז אַלע מאַמעס האָבן אין זינען אָנצוגרייטן אָרט פאַר דעם אין די אַ ביסל נאָכהענגענדיקע אַרבעלעך, אָדער גרעסערע שיכעלעך...

בינעם העלער (וואַרשע)

דאָס ייִנגל פון פאַוויע

אין וואַרשעווער הייפן אָן גרינס און אָן בלומען —
ווי שנעל איז געלאָפן אַ זומער נאָך זומער!
אַ פריילעכער טומל איז שטענדיק געשטאַנען,
פון מיידלעך, וואָס שפּילן אין ראָדענעראַנע,
פון ייִנגלעך, וואָס זינגען אין שול און אין חדר,
פון שניַידערס, וואָס זינגען בײַם נייען די קליידער,
פון קלעזמערס, וואָס שפּילן אויף פידלען און פלייטן,
פון בלעכערס, וואָס שרײַען: „פאַריכטן, פאַרלייטן!"

אין איינעם אַ הויף האָט געוווינט אַזאַ ייִנגל —
מיט ליכטיקע אויגן, אויף שרויפן אַ צינגל.
אין שול איז דאָס ייִנגל דער תלמיד — דער בעסטער
און צווישן חברים — דער שטיפער, דער גרעסטער.
ווּ נאָר ער פלעגט קומען, פלעגט פריילעכער ווערן,
דער ווײַנער אפילו פלעגט שמייכלען דורך טרערן.
פאַר אַלעמען איז ער געווען אַ חבר —
אַזאַ איז געווען דאָס ייִנגל פון פאַוויע.

געקומען דער נאַצי, פאַרמאַכט אַלע גאַסן,
געקומען, באַפוילן די ייִדן צו האַסן.
קיין ברויט און קיין ליכט זאָל נישט זײַן אינעם געטאָ,
נאָר קינדער, וואָס בעטלען אין פראָסטיקן וועטער.
און טאַטעס, וואָס ליגן געשוואָלן פון הונגער,
און שוועסטערס, וואָס שפּײַען אין בלוט אויס די לונגען,
און מאַמעס, וואָס זינגען מיט ליפּן פאַרשמאַכטע
דאָס ליד פון דער נויט אין דעם געטאָ פאַרמאַכטן.

דאָס ייִנגל פון פאַוויע ווערט בלאַסער און בלאַסער.
אויף שטילן דעם הונגער איז ווייניק דאָס וואַסער,
אויף שטילן דעם הונגער איז ווייניק דער צאָרן —
זײַן שמייכל איז לאַנג שוין פאַרלאָשן געוואָרן.
ער ווייסט, אַז מען דאַרף זײַן דרייסטער און פלינקער —
עס גייען טראַנספּאָרטן אַוועק קיין טרעבלינקע,
ער ווייסט, אַז עס גייען אַוועק מיטן פײַער
די טאַטעס, די מאַמעס, חברים געטרײַע.

נאָר פלוצלינג צעטראָגט זיך אַ ליכטיקע בשורה:
עס שטעלט זיך דאָס געטאָ אַנטקעגן מיט גבורה!
עס פאַלן פאַשיסטן אין קאַמף מיט די ייִדן
און ס'פלאַטערט אַ שטאָלצע די פאָן פון מרידה! —
דאָס ייִנגל פון פאַוויע רײַסט זיך דורך רויכן,
ער שפּרינגט איבער חורבות און ווערט נישט געשטרויכלט.
ער קומט אינעם שטאַב פון די קעמפערס און מעלדעט:
כ'וויל לעבן, לעבן און שטאַרבן — אַ העלד צווישן העלדן!

נישטאָ יענער הויף שוין, נישטאָ שוין די פאַוויע.
און ווּ איז דאָס ייִנגל — דער גאָלדענער חבר?
קאָן זײַן אַז ער לעבט, אַז ער איז דאָ פאַראַנען,
אַלץ איינס — לאָמיר איצט אים מיט ערע דערמאָנען.
דער שונא איז טויט און דאָס לעבן דאָס נײַע
מיר האָבן באַקומען אין קאַמף און אין פײַער —
מיר וועלן דעם אָנדענק פון העלדן באַערן —
בײַם הייליקן אָנדענק — מיר שווערן, מיר שווערן!

ב. שלעווין (פּאַריז)

„געווען איז עס נעכטן“

(פראַגמענט)

קאַפּיטל 4

מיט אַ יאָר דרײַ צוריק אַן ערך, האָט זיך די קליינע סטערקע אומגעריכט געהאַט אַראָפּגעיאָוועט פון פּילעוו אויף די אַנדערע טעג סוכות צו דער עלטערער, אויסגעגעבענער שוועסטער, וואָס האָט געוווינט אויף אַ טומלדיקן דורכגאַנג־הויף צו די נאַלעווקעס.

אַזוי זיך, אין געסט איז זי אַ ביסל אַראָפּגעקומען, און האָט שוין פּאָר איין וועגס מיטגעברענגט פונעם טאַטן, וואָס פאַרקויפט דאָרט קאָזע־מילך צו די דאַטשניקעס, אַ שאָק אייער, אַ סמעטענע־קעזל און אַ בריוול מיט „קאַטשערעס און לאַפּעטעס“...

דאָס מיידל מיט די צעפלויגענע צעפּלעך האָט געטראָגן אונטערן געדיכטן רעגן אַ צעקנייטשט שטרויען קיישל, געריסן די גלעקלעך בײַ אַלע פאַרמאַכטע טירן פון הויף און נאָכגעפרעגט זיך בײַ יעדערן ווּ עס וווינט דאָ ערגעץ חיים־הערש צוויק, אַ דאַמען־שנײַדער.

קיינער האָט אָבער נישט געוווּסט ווּ עס וווינט דאָ אַזאַ איינער; ביז די ייִדענע פון הערינג־געוועלבל פון פאָרנט האָט איר צוריק אַרײַנגעוויזן אין טויער, אויפן צווייטן הויף, ווּ ס'איז געהאַנגען אַן אָפּגעריבן שילדל מיט אַן אויפגעמאָלטער שער. דאָס מיידל האָט אַ מאָל־צוויי אַ טויש געטאָן דאָס קיישל פון איין פאַרמאַטערטער האַנט אין דער אַנדערער און האָט זיך שיִער נישט אַראָפּגעגליטשט פון די צוויי־דרײַ טרעפּלעך.

דעם שוואָגער האָט זי דאָ צום ערשטן מאָל אָנגעקוקט פאַר אירע אויגן.

מיט קנאַפּע דריטהאַלבן יאָר צוריק האָט די שוועסטער פּלוצים אַהיים געשריבן, אַז די שפּאָגל־נײַע זינגער־מאַשין איז שוין באַלד אינגאַנצן אויסגעצאָלט און אַז די אַנדערע וואָך גייט זי שטעלן אַ חופּה מיט אַ וווּיל ייִנגל, אַ פאַרדינער — זיי קענען זיך שוין שיינע יאָרן, חיים־הערש רופט מען אים, אַ דאַמען־שנײַדער. זי געדענקט אפילו ווי דער טאַטע, דער קליינער פאַרהויקערטער ייִד, האָט זיך דעמאָלט לאַנג געקליבן אַרײַנצופאָרן קיין וואַרשע אויף דער חתונה פון דער מיטלסטער טאָכטער און — האָט זיך נאָך עד־היום נישט אויסגעקליבן אָנצוקוקן אפילו דאָס אייניאָריקע אייניקל זײַנס...

פון דער גאַליאָרקע, נידעריק איבערן קאָפּ האָט עס טאַקע פונקט אַראָפּגעוויינט, דאָס אייניקל. פון דער מאַשין־אַוועק האָט זיך געהאַט אויפגעהויבן אַ רירעוודיקער יונגערמאַן, אַ נישט־געגאָלטער, מיט אָפּגעדעקטע האָריקע הענט. ער האָט אויסגעשפּיגן אַ גאָרן, וואָס ער האָט געקײַט, און ער האָט נישט געוווּסט בײַ וואָס אָנצוהייבן אויפן פרעמדן מיידלס היימישן נאָכפרעגן זיך.

— ווּ איז עפּעס דבורה, ווּ? — האָט זי זײַטיק אַ שיקל געגעבן צו דעם, וואָס האָט געזאָלט הייסן חיים־הערש און האָט געזאָלט זײַן אירס אַ לײַבלעכער שוואָגער. — זע נאָר ווי ער מאַכט זיך עס גאָר נישט וויסנדיק... דאָס קינד ווערט דאָרט אויבן שיִער נישט צעריסן...

דאָס קיישל איז שוין געווען אַוועק געשטעלט.

— חיים־הערש! — האָט זי אים אַ וועק געטאָן פון אומבאַהאָלפענעם פרעמדן שמייכל — דערלאַנג מיר נאָר אַרויף ס'פּלעשל, גיכער...

זי איז שוין געשטאַנען מיט איין פוס אויפן לייטערל, אַ היימישע, אַן אַלטע באַקאַנטע, נאָר בײַם יונגנמאַן האָט זיך נאָך אַלץ געשטאַנט אַ פרעמדער שמייכל, ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט צוגלייבן:

— און איר, ס'הייסט... דו, ביסט אוודאי סטערקע — האָט ער באַלד פאַרשטאַנען — וויפל דבורה האָט עס מיר נישט אָנדערציילט פונעם מזיק. דאָס האַרץ האָט מיר אָבער גלײַך אַ „טשאַסקע“־געטאָן, כ'האָב אָבער באַלד געוואָלט זאָגן. אַקוראַט ווי אויף דער פאָטאָגראַפיע... נו, וואָס זשע מאַכט ער עפּעס דער טאַטע?

זי איז געקראָכן אויפן נידעריקן לייטערל צו דער גאַליאָרקע, מיטן פּלעשל אין דער האַנט, אײַנצושטילן ס'קינד, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו רײַסן זיך אונטערן סופיט, און צו אים האָט דאָס שקאַצעוואַטע מיידל אַראָפּגערעדט מיט אַ לאַכעלע:

— דער אַלטער, פרעגסטו? ער פאַרקויפט קאָזע־מילך. ער גרייט זיך איצט, אויף דער עלטער, נאָך אַ מאָל חתונה צו האָבן. שפּילט זיך עפּעס וואָס „זיי“ זענען...

די אמתע קושעניש האָט זיך אָנגעהויבן, ווען די שוועסטער אַ ביסל אַ דיקלעכע, ווי אַלע ווײַבלעך, אַ יאָר צוויי נאָך דער חתונה, איז, צוזאַמען מיטן רעגנדיקן פאַרנאַכט, אַרײַנגעפאַלן פון דער גאַס. זי איז נאָר אַזוי אַרויסגעלאָפן אײַנקויפן אויף יום־טוב און האָט זיך פאַרזאַמט מער ווי אַ האַלבן טאָג.

— ווי איז מיר! — איז זי אַרײַנגעפאַלן — דאָס קינד האָט זיך שוין אוודאי, נעבעך, גוט אויסגעריסן ס'הערצל!

חיים־הערש האָט זיך פאַרטײַעט אַ שאַר געגעבן צו דער טיר:

— קוק נאָר אָן ווי פאַריאַכמערט! מ'האָט עס שוין אײַנגעשטילט אָן דיר. זע נאָר בעסער, דבורה, וואָס פאַר אַ גאַסט מיר האָבן בײַ אונז, מ'אַזוי ביידע לעבן...

זי האָט אַ בלאָנדזשע געגעבן אַרום די ווענט, וווּ ס'זענען געהאַנגען עטלעכע אויסגעפאַרטיקטע שטיקלעך אַרבעט און דרײַ בלעטלעך פון אָן אויסגעפּליקטן מאָדע־זשורנאַל. זי האָט אָבער קיינעם נישט געזען. נאָר פון דער גאַליאַרקע איז שוין פון פריִער געהאַט פאַרלאָפן אַ קוויטשיק געלעכטערל. דאָס מיידל איז פלינק ווי אַ קאַץ, געקראָכן פון דער לייטער אַראָפּ. בײַ דער שוועסטער דבורה, האָט זיך אויסגעקרומט דאָס פּנים, אַקוראַט ווי מען וואָלט דער געשטאָרבענער מאַמען נאָך אַ מאָל אַוועקגעלייגט מיט די פיס צו דער טיר.

— זע נאָר, די ווילדע קאָזע, סט'אַזוי לעבן... פון וואַנען האָסטו זיך פּלוצים אַראָפּגעיאַוועט אויף דער גאַליאַרקע?

— כ'בין הײַנט אין דער פרי געקומען צופאָרן מיטן „סאַמאָכאָד". ס'האָט זיך מיר אַזוי פאַרגלוסט און — שוין...

— זע נאָר אָן ענטפערן, סט'אַזוי לעבן... און דער טאַטע וואָס מאַכט?

— גאָר נישט. ער פאַרקויפט קאָזע־מילך. כ'האָב מיטגעבראַכט אַ קעזל מיט אַ שאָק אייער. אין פּילעוו קאָסט עס אַ גאָרנישט מיט אַ נישט. שוין אײַנגעשטילט דעם תכשיט דײַנעם. מאַמע פאַרדאָסטע, לויפט אַוועק און לאָזט עס, נעבעך אָפּרײַסן ס'הערצל...

די עלטערע שוועסטער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אַ נײַגעריקן בליק, זשמורענדיק אָן אויג, גענוג צופרידן:

— נו, נישקשה... מעגסט זיך דאָ אָפּשערן די צעפּלעך, ס'איז נישט „מודיש" אין וואַרשע. שלינגסט נאָך הײַנט אויך די ביכלעך? פאַרקאָכט זיך... שאַ, וואַרט נאָר, און ייִנגעלעך האָסטו שוין עפּעס? — אַ מויד! וויפל, דאַכט זיך, איז אין נײַנצטן גייט דיר שוין?

אונטערן נײַגעריקן בליק פון דער שוועסטער, האָט דאָס מיידל גלײַכגילטיק געשיקלט מיטן אויג, געגראַבלט זיך אין קיישל אַרום די אייער, דאַכט זיך נישט געהערט די שוועסטערס רייד, נאָר געענטפערט האָט זי דווקא זייער שפּיציק, ווי זי האָט עס ליב געהאַט:

— ייִנגלעך, פרעגסטו? — אַזוי ווי די הינט... און וועגן די צעפּלעך איז — ווי מיר וועט זיך נאָך פאַרגלוסטן...

די צעפּלויגענע צעפּלעך זענען איר נאָך זייער אַ שאָד געווען. זי האָט זיי לאַנג געצוואָגן פאַרן שלאָפן גיין אין אַ שיסל וואַרעם וואַסער מיט נאַפט, פאַרפלאָכטן זיי אַקוראַטנע פאַרן אויסגעבויגענעם שפּיגל און האָט נישט אויפגעהערט אָנצודערציילן זיך, אין איין אָטעם, אַלע וויכטיקע פּאַסירענישן פון פּילעוו:

— צוויי נײַע „מאַשינעס" גייען שוין הײַנט קיין וואַרשע. פרעגץ נישט, מיט די באַלעגאָלעס ממיתת מען זיך, שיער נישט צום טויט! משהלע קוזמירערס מויד, לאַהטשע, האָט זיך שוין נאָך אַ מאָל אָפּגעטריבן... „שפּרינצע" האָט שוין, מיט מזל, געבראַכט אַ נײַעם דור קאָזעלעך אויף דער וועלט. דער טאַטע קוועלט נאָר אָן פון זיי באַלד באַגינען פאָרעט ער זיך אַרום זיי, לייגט זיי אונטער אַ ביסעלע היי. דער נחת איז אים, זעט אויס, ליבער פון דײַנעם. כי־כי...

אינדרויסן האָבן געגאָסן רעגנס. אין די לעצטע טעג יום־טוב איז דאָס מיידל מיט די צעפּלויגענע צעפּלעך געשטאַנען פאַרן טויער און צוגעקוקט זיך צו דער שפּאַצירנדיקער גאַס. אונטער אויפגעשטעלטע פּאַראַסאָלן זענען דראָבנע מיידלשע פיס געשפּרונגען איבער די פאַרגאָסענע טראַמוויי־שינעס. אין פאַרכמאַרעטן טאָג, האָבן איבערן טעאַטער „סקאַלאַ", אין דער קווער־גאַס, אַראָפּגעלויכטן צוויי רונדע עלעקטרישע לאָמפּן, שפּיגלענדיק זיך אין די וואַסערן אויפן ברוק. אַרבעטער, אין וואָכנדיקע קליידער, האָבן זיך געשטופּט אין דער קרומער טיר פון אַ קליין, פאַרויכערט קאַוויאַרניעלע קעגן איבער.

פאַר נאַכט האָט זיך גענומען לײַטערן. די ענג־צוזאַמענגעקוועטשטע מויערן, אַראָפּ־גאַס, זענען אינערהעלפט געווען אָפּגעגאָסן מיט אַ בלײַכן בראָנז. די שמאָלע גאַס איז ביז אַרויפצו געדיכט פאַרפּאַקט געווען פונעם שפּאַצירנדיקן עולם. די צעצונדענע שטאָטישע ליכטער האָבן ראָז געמאַכט דעם הימל, וואָס איז געהאַנגען נידעריק איבער די אָפּגעהאַקטע דעכער.

בײַ נאַכט האָבן דעם מיידל, ווי גרינע האַרבסט־פליגעלעך, געביסן די אומרויִקע חלומות. זי האָט זיך געוואָרפן אויפן היציקן געלעגער אונטערן סופיט אויף דער גאַליאַרקע און שווער האָט זיך געקלעפּט צו איר דער נעפּלדיקער שלאָף.

איבערגעוועקט האָט איר אַלע מאָל דער אויסגעצויגענער קוויטש איבער די טראַמוויי־שינעס. געוויינלעכע, וואָכעדיקע אינדערפריִען. אונטער דער גאַליאַרקע רוישט הייזעריק די ניימאַשין, פרעמדע גיכע רעדערײַען. דער געזעל צעבלאָזט דעם פּרעסאײַזן בײַ דער אָפּן־געלאָזענער טיר, אַ צוג־ווינט דרייט זיך אין דער ענגעניש. נאָך איידער די אויגן קלעפּן זיך אויף, קריכן נאָך אַ מאָל אָן דער שוועסטערס נעכטיקע און אייערנעכטיקע טענות אין קאָפּ אַרײַן.

— ביסט שוין יאָ דאָ — זאָגט זי — טאָ זע, העלף כאָטש צו אין שטוב, לערן זיך כאָטש אויס ווי אַזוי צו האַלטן אַ נאָדל אין האַנט. וואָסי? וועסט אפשר צוריק אַהיים פאָרן קיין פּילעוו, אַרומטרײַבן זיך מיטן טאַטנס קאָזעס. ער וועט זיך דאָרט „באַדרייען" אָן דיר.

— פליט! וווּ פליט מען עס אַרום גאַנצע טעג און וואָכן? אַבי זי האָט זיך סקאָמפּאַניעט מיט די מיידעלעך פון הויף און — שוין! זיי וועלן דיר אפשר געבן צו עסן אויך? דו ווייסט נישט, אַז דאָ טראַכט יעדערער נאָר פאַר זיך. אוודאי, אין „פּאַוויאַק" וועסטו שוין זײַן פאַרזאָרגט מיט אַ דירה און מיט קעסט... מ'איז אין שטוב, העלפט מען עפּעס צו. כ'קען זיך נישט אַליין צערײַסן, מיטן קינד אויף די הענט...

די לעצטע טענות האָט זי אויסגעהערט מיט אַ פּאָר וואָכן פריִער, ווען זי איז אַ ביסל שפּעטלעך אַהיימגעקומען. זי האָט פאַרברוגזט אַוועקגעוואָרפן דעם בערעט, אויסגעשרויפט דאָס גאָמבקעלע:

— גיין, זאָגסטו? כ'וועל גיין! וועסט מיר שוין מער נישט אָפּסטראַשן. כ'בין נישט געקומען אַהער ניאַנטשן זיך מיט דײַנע קינדער. כ'וועל שוין סײַ־ווי גיין אַרבעטן... אין אַ פאַבריק.

און זי איז טאַקע געגאַנגען אויך.

אויפן הייסן געלעגער, אונטערן סופיט, האָבן איר די אומ־

רויִקע, מיידלשע חלומות אויפגעהערט צו מאַטערן. ס'האָט זיך נאָך אַ מאָל אַ שטעל געטאָן פאַר איר דער בײַטאָגיקער גערודער פון די טריקאָטאַזש־מאַשינען, אין ביידע פאַרוואָלקנטע פאַבריק־שטובן, אויף דער שווענטאָיערסקע. דאָס איבערשרײַען זיך פון די מיידלעך, די שפּולערינס, זייערע היימישע און פרעמדע לידער, וועלכע זי האָט דאָ צום ערשטן מאָל געהערט. אויף דער לעשנע, אָוונט־צײַט, איז דער לעבעדיקסטער שפּאַציר־גאַנג — דער פאַרפּאַקטער טראָטואַר, די אומלעגאַלע בערזע פון טעקסטיל־פאַראיין. קיינער דערהערט נישט, אונטערן שטילן שנייעלע, וואָס שיט, ווי פאַרן שאַרף־באַלויכטענעם קינאָ באַקלאָגט עפּעס אַן אַקטריסע מיט לירישע קוויטשן, דעם ערשטן געליבטן אירן, וואָס איז שוין ווײַט, זייער ווײַט...

אין דער פרי גלוסט זיך זייער נישט אַראָפּצוקריכן פון דער גאַליאָרקע. מען איז קעציש־פויל און אַזאַ זיסע מידקייט שלעפּט צוריק דעם קאָפּ אין דער אויסגעוואַרעמטער קישן. נאָר זי דערמאָנט זיך, קריכט פלינק אַרונטער, צו כאַפּן נאָך איין בליק אין שפּיגל, אײַנקוקן זיך ווי אַזוי ס'קליידט איר עפּעס דאָס יִנגלעריש־אונטערגעשוירענע קעפּל. אַ שווערער לאָק פאַלט איר איבער די קרומלעכע ברעמען, איבערן אויסגעשרויפטן גאָמבקעלע, איבערן חנוודיקן אויג, וואָס שיקלט אַ ביסעלע. דאָס גאָמבקעלע שמייכלט זייער דין. אַזוי האָט עס אויך געשמייכלט, ווען שימעלע, דער גאַנצער מאַכער אין דער פאַבריק, האָט, אין געשטופּ, בײַם אַרויסגאַנג, אַזוי אַ זאָג געטאָן צו איר מיט אַ לאַכעלע:

— חברטע, זי גייען אַ מאָל נישט אַרויף מיט דער דזשיקע? כ'גיי דעם זעלבן וועג, קען איך אײַך באַגלייטן אַ שטיקל...

און זי האָט נאָך דעם געהערט ווי די פאַבריק־מיידלעך האָבן אויף מאָרגן שטיל איבערגעוואָרפן זיך בײַ דער אַרבעט:

— ר'איז שוין איין מאָל „ריזעדיק", אָט דער שימעלע — אויסגעריסן־קלוג!... אונדזער פאַך־קאָמיסיאַנט, „פּשעציעזש"... אַ קאָפּ דאָס האָט...

זײַן הילכיק, מעטאַלערן זינגען איז די מיידלעך זייער געפעלן.

— ער זינגט דאָך נישט — האָבן זיי געזאָגט — מיט קיין שיינער שטימע, אָבער דערפאַר — מיט אַזוי פיל האַרץ...

— ס'שאַדט נישט — האָט אַן אַנדערע אָוועקגעמאַכט — און דערצו איז ער נאָך יענער „קאָביעציאַזש" (פרויען־יעגער). דער קליינער רבקהלען האָט ער שוין אויך „אָוועקגעשטעלט"... הײַנט אַרבעט זי שוין בײַ וואַוועלבערגן. דאָס מיידל איז אויסגעגאַנגען נאָך זײַנע טריט...

מיט די מיידלעך פון דער פאַבריק האָט זיך סטערקע עפּעס נישט געקענט אײַנלעבן. זי האָט גאַנץ גוט געזען ווי זיי פאַרדריסט זײַטיק, וואָס שימעלע ווילט דווקא איר אויס בײַם אַרויסגיין פון דער אַרבעט. זי איז דאָ אַרײַנגעוואַקסן אין זיך, געוואָרן שטילער, סטאַטעטשנער. זי האָט זיך קיינעם נישט געוואָלט וואַרפן אין די אויגן, געזעסן און אויפגעוויקלט די פאַרפּלאָנטערטע פּאַסמעס גאַרן אויף די קאָלבעס. אַרום איר איז געשטאַנען אַן אייביקער טומל, אַ געקלאַפּערײַ פון טירן אַ פאַרטויבטע גערעדערײַ. דורך פאַרשטויבטע שויבן האָט זיך דורכגעזיפּט דער ברודיקער ווינטער־טאָג. נאָך אַנאַנד האָט זי דאָ געפילט ערגעץ אַרום זיך שימעלעס שאָטן, זײַנע ברייטע פלייצעס, זײַנע שאַרפע נאָז־פליגלען, זײַן נידריק־געשוירענעם קאָפּ, די ווײַסע, קוים־אָנזיכטיקע ברעמען און די האַרטע שטים וואָס האָט געגוואַלדעוועט איבער די וואָלקנדיקע פאַבריק־שטובן צו אַלעמען, צום שעף אַליין אויך:

— פאַניע שטעקער, די וואָל גייט אויס! זי איז, ווייסט איר געמיין, רײַסט זיך, ווי שפּינוועבעכץ.

אַ רירעוודיקער, אין אַ פאַרפּאַטשקעטער אַרבעטס־בלוזע, איז ער געווען אין אַלע טירן, צווישן די דורכגענג, ווו די מאַשינען זענען צעשטעלט, געפּראָוווט מיטן בינט שליסלען די מוטערקעס און שרײַפעלעך. הינטער די מילך־שויבן, אין דער טיף פון די וואָלקנדיקע שטיבער, האָט אַ גאַנצן טאָג גערעשט דאָס ענגע קאַנטאָרל. אַז די שויבנטיר מאַכט זיך אויף, פאַרגראָבן זיך אַלע טיפער. צווישן די מיידלעך, די שפּולערינס, גייט איבער דאָס פאַרצויגענע ליד אין אַ מורמלערײַ. איין שימעלע פאַלט נישט אַראָפּ פון טאָן. זײַן שטים, דאַכט זיך, הילכט נאָך פעסטער, ווען דער באַלעבאָס שטעקער בלײַבט שטיין אין דער אָפענער טיר, ער באַמערקט אים אינגאַנצן נישט.

דער שטעקער איז טאַקע אַ חסידישער ייִד, כאַפּט זיך טאַקע אַ מאָל אַראָפּ צום גערער רבין, אָבער אַ הײַנטוועלטיקער, געקליידט „דײַטש". ער פאַלט אַרײַן בײַם פאַרענדיקן דעם אַרבעטטאָג און טוט אַ רוף אויס זייער היימיש:

נו, קינדער, ס'קען שוין געמאַכט ווערן שבת!

אַלץ בלײַבט שטיין, אַלץ שפּאַרט זיך צו די טירן.

דאָס האָט ער צום אָנהייב פון ווינטער־סעזאָן געגעבן אָנצוהערן, אַז מיטן שטרײַק, וואָס וועט זיך באַלד אוודאי אַ שטעל־טאָן, וועט עס דאָס מאָל נישט זײַן אַזוי לײַכט, מען וועט זיך, הייסט עס, געגנוג אַרום אַמפּערן.

— איך ווייס נישט וואָס איר קלאָגט אַזוי, פאַניע שטעקער — איז אים שימעלע נישט שולדיק געבליבן — אויפן מאַרק איז וואָל פעסט. און קיין באַשטעלונגען זע איך, פעלט אויך נישט. און אַז ברויט איז טײַערער געוואָרן מיט 5 גראָשן, ווייסט איר אויך מסתמה. נאָר גאָרנישט, אַז אָפּשטעלן, וועט זיך שוין אַלס פאַר אַ מאָל.

אַזוי קען ער אַ זאָג געבן אין שפּאַס, שימעלע, און אַרויסשטעלן אַ ברייט געלעכטער. ער פאַרוואַרפט ענערגיש אויף זיך דעם אָפּגעבליאַקעוועטן מאַנטל און שטופּט זיך מיט אַלעמען דורך דער טיר.

קאַפּיטל 5

ווען מען שיט זיך אַרויס, ברענען פאַר דער טיר עלעקטרישע לאָמפּן. אַראָפּ גאַס צינדן זיך אָן געלע און רויטע פײַערן. עס שיט נאָך אַלץ אַ גרינג שנייעלע. פאַרבײַ די ליכטיקע קעלער־שײַבלעך, צום טראָטואַר־אַרויס, לאָזט זי זיך גיין אַ ביסל אײַליקער, סטערקע. איבער איר שוועבט נאָך דער לעצטער, גאָלדיקער פריהאַרבסט אין שטעטל בײַ דער ווײַסל. טייל מאָל דערלאַנגט עס איר נאָך אַזאַ דינעם צופּ, ס'גייט אויף אַ פאַרגעסענע בענקשאַפט. די גרויסע, פרעמדע שטאָט דערדריקט. „ווי אַזוי קענען דאָ מענטשן לעבן?". זי וואָלט שוין אפשר פון לאַנג פאַרפּאַקט איר צעפּליקט, שטרויען קײַשל, אָן אַ זײַ־געזונט אפילו, צוריק אַנטלאָפן צו יענעם גאָלדיקן פריִהאַרבסט בײַ דער ווײַסל מיט איינעם פון די פאַרבלאָטיקטע „מאַשינעס", וואָס פאָרן זיך יעדן פאַר טאָג אָן אויף פּלאַץ „בראָני" — ווען נישט דער ווײַטער שמייכל פונעם ענערגישן בחור. זי פאַרלאַנגזאַמט איר צעפּלאָנטערטן טראָט, ווײַל זי איז מאָדנע זיכער, אַז ער וועט זי באַלד, ווי יעדן אָוונט, אָניאָגן, זי וועט דערפילן זײַן ווייכן באַריר אַרום די אַקסלען און דאָס לאַכנדיקע פּנים, צעווינ־

טיקט, מיט אָנגעזעצטע שניי־טראָפעלעך, וועט זיך אין איר אייַנקוקן און דערקענען עפעס אין איר אומרויִקן בליק, אין איר בלייכן שמייכל. און זי? זי וועט נישט לייקענען אויך, זי וועט נישט פרוּוון צו לייקענען, אַז זי איז אין אים אַ קליין, קליין ביסעלע פאַרליבט.

מיט יעדן באַריר אויפן ענג־פאַרפאַקטן טראָטואַר ציטערט אין איר אויף. ער איז אַוועק, ער איז לעצטנס שטאַרק פאַרנומען. לאַנג איז זי אומגעשווומען איבער די טראָטואַרן פון דער אומלעגאַלער בערזע און געזוכט צווישן די אַלע ווייַטע פנימער אַן אייגנס. זי האָט עס נישט געפונען. אַ ביסל צעבראָכן, האָט זי זיך אומגעקערט אַהיים. אין שטוב בייַ דער שוועסטער האָט זי זיך איצט כמעט נישט אָנגעזען — אַוועק באַלד אין דער פרי און אומגעקערט זיך שפעט בייַ נאַכט.

זי האָט עטלעכע מאָל געפרוּווט אַרויפקומען צו עדזשיען, וואָס שפולט בייַ שימעלעס מאַשין — אַ בלייך מיידל מיט אַ גלאַטן שרונט איבערן נידעריקן שטערן. אונטער אירע וויִעס האָט זיך געלאָשן אַ הייסער אָפגלאַנץ. די באַקן זענען פאַרמעט־ראָזלעך. ס'האָט געשלאָגן פון זיי אַ שטענדיקע הייסקייט. דרייַ יאָר איז זי אָפגעזעסן אין תפיסה, אין ווראָנקי. אַרויס איז זי דעם לעצטן פרילינג. בייַ דער אַרבעט האָט זי געשלונגען געלבלעכע פילן, לאַנג זיך געקרעקט מיט זיי. יעדע וואָך כמעט האָט זי פאַרפעלט אַ טאָג אָדער צוויי אין דער פאַבריק. אַז זי איז אַ טאָג נישט געקומען, האָט זיך שוין סטערקע אַרויפגעכאַפט צו איר געוווּיר ווערן.

— קראַנק! — האָט זי גערעדט מיט אַ מיד קול — פאַרקילט זיך אַנומלטן און אָט הוסט מען צוביסלעך. דער שטויב, נאַרעלע, זויגט אויס דאָס חיות ביסלעכווייַז.

איבערן ציכטיקן בעט איז דאָס לעמפל פאַרשטעלט געווען מיט אַ ראָז שטיקל פאַפיר. זי האָט אַוועקגעלייגט דאָס צעשיטע ביכל און געקוקט מיט אָנגעבלענדטע אויגן. איינע אַליין האָט זי דאָ געוווינט בייַ אַן אַלט פאָרפאָלק. דאָ האָט סטערקע אַלע מאָל געטראָפן זיצן דעם באַרילטן יונגערמאַן, וואָס אַרבעט צוזאַמען מיט זיי אין דער פאַבריק. דער פריילעכער גלאַנץ פון זייַנע פענסנע־גלעזלעך איז אין מיטן בעסטן געלעכטער אומעטיק געוואָרן. כמעט יעדן אָוונט האָט ער געשפרייַזט אַהער מיט דער פינצטערער שטיג, אָנצוקוקן די פאַרחלשטע ליפן פונעם קראַנקן מיידל. די טיפע שטערן־ווינקלען האָבן זיך בייַ אים געזילבערט.

— איר דאַרפט נישט אַזוי פיל אַרבעטן — האָט ער גערעדט צו איר אייַנגעהאַלטן — אַ צימער אין אָטוואָצק... פרישע לופט...

דאָס מיידל האָט געענטפערט מיט קאַרגע רייד. ער איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. פון דער פאַבריק, פון די פאַך־פאַרזאַמלונגען האָט ער זי אַלע מאָל באַגלייט:

— אַ שטילע היים חלומט זיך מיר, ביבער... מען ווערט מיד...

אַראָפקומענדיק פון דאָרט האָט זיך סטערקע געפילט שוואַך און צוגעדריקט. זי האָט חשק געהאַט צו נעמען און אַנטלויפן אין שטעטל אַרייַן, אַוועקלאָזן זיך מיט די פאַרשנייטע בערג וואָס לאָזן זיך אַראָפ צו דער ווייַסל. אָבער צו וועמען? אַז אַלע זענען זיך פון דאָרט צעלאָפן אין דער ברייטער וועלט אַרייַן, צו ווייַטע לענדער און שטעט. בלאָנדזשענדיק האָט זי זיך ווידער דערזען אויף דער בערזע. ס'איז געווען ליידיקלעך. אין „באַר מעטראָפאָל" קעגן איבער, האָט זיך אין דער האַלבער נאַכט אַרייַן אויפגעכאַפט אַ פרישער טאַנגאָ. עטלעכע אויסגעלאָשענע אויטאָס האָבן געוואַרט פאַרן ליכטיקן אַרייַנגאַנג. דאָ טרעפט מען אים אַלע מאָל שימעלען. ער שווימט איבער די אָוונטיקע טראָטואַרן און דערליידיקט אַלע פאַר־איינס־עניניס. אַז סטערקע גייט פאַרבייַ וואַרפט ער איר צו אַ פאַרטועַנעם שמייכל, אַ מאָל אַ וואָרט. ער פאַרשווינדט, באַווייַזט זיך שפעטלעך און טרעפט זי ווידער.

— ס'איז שוין נישט פרי — לאַכט ער הילכיק — און ער דערפילט איר ציטעריקן אָרעם אין זייַנעם. איר קליין הענטל ליגט אין זייַן ברייטער דלאָניע. זי שמייכלט אַרויף צו אים:

— ווען נאָר מען זעט דיר ביסטו פאַרנומען.

— מען געהערט נישט צו זיך אַליין חברטע — ענטפערט ער שטרענג אָבער לאַכנדיק.

דעמאָלט גייט זי אַ שטיק וועגנס פאַרטראַכט און שטום. זי זוכט אַלץ ווערטער און געפינט נישט. זי וואָלט אויך געוואָלט זייַן „אַלע מאָל פאַרנומען" און „נישט געהערן צו זיך אַליין". דאָס שטייַפע פרעסטל צערויטלט אירע באַקן. ס'איז איר אַלץ שווער צו געפינען רייד, זי שטיקט זיך מיט זיי.

— שוין לאַנג, נאָך זומער... כ'האָב געלייענט „זשאַן קריסטאָף". איז דאָרט אויך אַזוי: די היים ווערט צעפאַלן און קיין וועג זעט זיך נישט. אַ ביכל וווּ ס'רעדט זיך וועגן מוזיק און — אומעטיק.

— דאָ וווינסטו? — דערלאַנגט ער איר זייַן האַנט און פאַרהאַלט זיך נאָך אַ ווייַלע — כ'האָב געקענט אַזאַ ווי דו. געווען אַ שפולערין בייַ מייַן מאַשין. יאָ, די פראָווינץ... ווייסט וווּ איך וווין? פאַרבלאָנדזשע אַ מאָל וועלן מיר כאַפן אַ שמועס. שבת בין איך געוויינלעך פרייַ.

און אין איינעם אַן אָוונט האָט זי פאַרבלאָנדזשעט צו אים. זי איז געשטאַנען אין דער מיט צימער אַ צערויטלטע, קומענדיק פון פראָסטיקן דרויסן. אַ ביסל שעמעוודיק האָט זי אים אונטערגעטראָגן איר האַנט. ער האָט געלאַכט מעטאַלערן און געפירט זייַנע פינגער איבערן נידעריק געשוירענעם קאָפ. ער האָט אַראָפגענומען פון איר דעם מאַנטל, געפונען צווישן די פאָרהאַנגען אַ קנעפל און באַלד האָט זיך דאָס דאַכצימער אָנגעגאָסן מיט אַ העלער ליכטיקייט. ער האָט געברענגט טיי, ברויט מיט פוטער און צוגערוקט זייַן שטול נענטער צו איר.

— עס — האָט ער זי פאַרבעטן צום אָרעמען מאָלצייַט — כ'האָב הייַנט אַ פרייַען אָוונט. שאַ, און מוזיק האָסטו עפעס ליב? מאָרגן סטערקעלע, גייען מיר אין פילהאַרמאָניע אויפן פרימאָרגן־קאָנצערט. מען זיצט אויפן באַלקאָן, ווייַל קיין ביליקערע פלעצער זענען נישטאָ... אין אויסגעלאָשענעם זאַל — איז ער געוואָרן טרוימעריש — צינדן זיך פלוצים אָן אויף דער נידעריקער ראַמפע רויטע פייַערלעך, גרינע פייַערלעך, בלויע פייַערלעך, ס'הערט זיך אַזאַ זיסע שטילע ברומערייַ. ערשט דערנאָך שטורעמט עס אויף. „פער גינט". אין שטעטל האָסטו עס אוודאי קיין מאָל נישט געהערט וואָס?

מיט איין זופ האָט ער אויסגעטרונקען דעם אָפגעקילטן טיי און זיך פאַרוויקלט אין רויך פון אַ פאַפיראָס.

— כ'וויל אויך פרוּוון פאַרציִען — האָט זי געבעטן.

זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צוכאַפנס דער סאָפאַ און געלאָזן דינע שנירעלעך רויך דורך דער נאָז.

— געווען בייַ אונז אין שטעטל — האָט זי דערציילט — איינער אַ סטודענט, אַ פאַרטייעטער אַזאַ און גאַנצע אָוונטן — רוי־

כערט ער. „ס'באַרויִקט די נערוון" זאָגט ער. דערנאָך איז ער פּלוצים פאַרשוווּנדן. פּאָליציי האָט אים אַרומגעזוכט.

— נו, ס'וועלן איצט זײַן גענוג פרײַע טעג — האָט ער אויפגעהערט אַרומצושפּרײַזן — כ'וועל דיך מאָנטיק מיטנעמען אויפן פּלאַץ „באַנקאָווי", וועסטו אָנקוקן אַ מאַסע מעטאַל־אַרבעטער, טראַנספּאָרטלער, פּוילישע, ייִדישע. אָבער כ'מוז נאָך — האָט ער זיך געכאַפּט — דאָ ערגעץ אַראָפּלויפן. אַ פּאָדפּונקט. נאָך גוט וואָס כ'האָב זיך דערמאָנט. לייען עפּעס דערווײַל.

ווען ער האָט זי איבערגעלאָזן אַליין, האָט זי זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל סאָפע האַלב־צוגעלענט די אויגן לײַכט באַרוישט. פון הינטער דער וואַנט האָבן זיך געהערט עמיצנס שלעפּנדיקע טריט. צום לאָמפּ אין מיטן צימער איז געשוווּמען אַ קליין וואָלקנדל רויך. ס'איז איר דאָ מיט אַ מאָל אַלץ אויסגעקומען אַזוי היימיש: דאָס נאַקעטע טישל, די באַנאַלע טאַפּעטן, דער קליידער־הענגער און דער אָנגעוואָרפענער שטויס ביכער אויף דער נידעריקער עטאַזשערקע. זי איז אַראָפּ, אויסגעלאָשן די עלעקטרע און פאַרשאַרט דאָס פאָרהענגל. איבער דער אָוונטיקער שטאָט האָבן זיך אומגעוויגט לאָמפּן, אויסגעלאָשן און צוריק אָנגעצונדן. הינטער שויבן האָבן רויִק געדרעמלט מושלינענע פאָרהענגלעך. שאָטנס האָבן זיך אָנגעהאָנגען, צערונען געוואָרן, אויף דער סאָפע האָט זי פּויל דערטראַכט, אַז די שוועסטער וואָלט זיך אוודאי בייז פאַרקרומט ווען זי דערזעט איר איצט דאָ אין צימער בײַ אַ פרעמדן בחור. ס'איז איר דורכגעלאָפן דער ציטער ווי דעמאָלט, אין יענעם גאָלדיקן פריִהאַרבסט בײַ דער ווײַסל, ווען דער פרעמדער סטודענט וואָס איז אַראָפּגעקומען פון די גרויסע שטעט, האָט זי געפירט געאָרעמט און זײַנע ליפּן האָבן אַ בלאָנדזשע געגעבן אַרום אירע.

ליכטיקע פלעקן האָבן זיך געוויגט פאַר אירע לײַכט־צוגעקלעפּטע וויִעס, די היימלעכע טונקלקייט האָט אײַנגעוויגט, אַנטשלעפט. ווען זי האָט פּלוצים אויפגעמאַכט די אויגן האָט די עלעקטרע ווידער העל געברענט. די טיר איז געשטאַנען האַלב־אָפן און ס'איז קיינעם נישט געווען צו זען. אין צימער איז געווען אָנגעטראָגן אַזאַ קילע פרישקייט פון דרויסן. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צום האַנטזייגערל. דער גרויסער ווײַזער האָט פאַרדעקט דאָס קלענערע אַ שטיקל איבערן צוויי. הינטער איר האָט זיך שימעלע שטיל און ווייך אַ צעלאַך געגעבן. זײַן נידעריק־אַרומגעשוירענער קאָפּ איז געווען פאַרגראָבן אין קישן. אין דער שפּעטער נאַכט האָט ער שטיל און זיס אַרויסגעזונגען, מעטאַלערנס איז געווען אין זײַן שטים. די צעשוווּמענע שטריכן אַרום זײַנע נאָז־פליגלען זענען געווען שאַרף. אַ שיכורלעכער נעפּל האָט געשוועבט איבער אים. זי האָט שוין מער נישט געדענקט אין דער שוועסטער, אין דער צעשאָקלטער גאַליאָרקע. זי האָט זיך געבעטן:

— זינג נאָך, זינג.

— ס'איז שפּעט נאַרעלע — האָט ער זי לײַכט אַרומגעדעקט.

צו דער שוועסטער איז זי שוין אויך צו מאָרגנס נישט געקומען שלאָפן. אין אַ שפּעטן פאַר נאַכט האָט זי אַוועקגעטראָגן איר שטרויען קיישל צו עדזשיען אין צימער. דאָס קראַנקע מיידל האָט דאָס מאָל לאַנג געקליבן זיך אַראָפּצוגיין. פון אירע צעפּודערטע באַקן האָט געשלאָגן אַ הייסקייט.

— ווו וועסטו דען גיין אין אַזאַ זאַווערוכע — האָט איר סטערקע געוואָלט פאַרהאַלטן — לייג זיך, מען וועט דיר דאָס מאָל שוין מוחל זײַן...

— פאַראַנטוואָרטלעכקייט! — האָט זי נישט געוואָלט הערן — כ'וועל צוריקקומען שפּעטלעך. אָרדן דאָ איין. מ'עט שוין ווי נישט איז שלאָפן אין צווייען.

און דאָס קראַנקע מיידל איז אַוועק, אָנהוסטנדיק לאַנג אין פאָדערהויז.

די אומעטיקע ווענט האָבן אויך סטערקען אַרויסגעטריבן. די בערזע אויף דער לעשנע איז געווען לײַדיקלעך. אומגעריכט האָט זי זיך ווידער געזען פאַרן זעלבן טויער ווו שימעלע וווינט. זי האָט נישט געוואָלט אַרויפקוקן צום פאַרהאָנגענעם פענצטער און דאָך האָט זי געכאַפּט אַ בליק סאַמע אונטערן דאַך איז עס געלעגן, אַ ליכטיקס אַ פאַרצווייגנס. אין שניי־געסקריפּ האָט זיך נאָך אַ מאָל אויפגעכאַפּט פאַר איר די פרימאָרגנדיקע גאַס, ווען זיי האָבן זיך ביידע אומגעקערט פון קאָנצערט. ס'איז געווען זוניקער יום־טוב אויף די פאַרשנייטע פּלאַנטן אין די שטאָטישע גערטלעך און — דאָס אומרויִקע קלאַפּן פון אַ האַנטזייגערל אין אַ בײַנאַכטיק אויסגעלאָשן צימער. זי געדענקט נישט דאָס מיטנאַכטיקע קלינגען אין טויער און ווי דער נעפּלדיקער אָוונט איז אַריבער געדענקט זי אויך נישט.

דערנאָך אין ליכטיקן פרימאָרגן אויפן אַנדערן טאָג, איז פרייִדיק געווען צו גיין איבער די פּראָסטיקע גאַסן און וויסן, אַז אין די וואָלקנדיקע פאַבריקס־שטובן איז שטיל, די פעדים וויקלען זיך נישט אין ברודיקן טאָגשײַן, וואָס פאַלט דורך די פענצטער. זי האָט אָנגעהויבן צו דערקענען די פאַרלאַנגזאַמטע טריט און די אומרויִקייט פון די שפּאַצירנדיקע. זיי זענען דאָרט אָנגעקומען פון אַלע זײַטיקע גאַסן, צום אָפּגעשלאָסענעם רינגפּלאַץ. אַ פּראָסטיקער טוי איז געהאָנגען אויף די אָפּגעוועלקטע קוסטן פון די גערטלעך. לײַכטע אויטאָס האָבן איבערגעלאָזן נאָך זיך אַ בלוי רויכל און צווישן אָט די רויכלעך, אויפן מיטן ברוק, האָבן זיך געפּלאָנטערט מענטשן, צו צוויי צו דרײַ אין אָפּגעטראָגענע קורטקעס, אין אַראָפּגערוקטע היטלען. אין איינעם אַזאַ אַראָפּגערוקטן דאַשיק האָט זי דערקענט שימעלען. ער איז גיך אַריבערגעגאַנגען די גאַס מיט נאָך איינעם, אַ העכערן פון אים. זיי זענען פאַרשוווּנדן הינטער דער שורה נאַקעטע קליאָנען. איז פאַרבײַ געגאַנגען און זיך נישט־וויסנדיק געמאַכט. פון דעסט וועגן האָט עס איר אַ קליין ביסעלע געאַרט. מיט אַ רגע שפּעטער האָט זי דאָ ערגעץ אין דער מיט אויפגעכאַפּט אַ קליינער טומל און אַ פאַרשטיקט געזאַנג האָט זיך אָפּגעריסן פון יענער זײַט גערטל. די טראָטואַרן זענען געווען אָפּגעלייִדיקט. אַ צוזאַמענגעשטופּטע שוואַרצע מאַסע האָט זיך געשפּאַרט אין דער מיט פּלאַץ אַרײַן. זי איז געוואַקסן. אַ וואַרעמער רויט האָט אַ פלאַטער געגעבן אין דער לופטן.

אומגעריכט האָט זיך סטערקע דערזען צווישן אַלעמען. אַ בלײַכקייט האָט זי באַשלאָגן. געגאַנגען איז איר צו דערכאַפּן מיטן אויג דעם קענטלעכן קאַסקעט, וואָס איז דאַכט זיך געווען שימעלעס. די אויסרופן פון די פאָדערשטע רייען וואָס האָבן ביז אַרויפצו ביזן זאַקסישן גאָרטן פאַרשפּאַרט די גאַס האָט זי נישט באַלד דערהערט, נאָר העכער פון אַלץ האָט די פּראָסטיקע לופט אויפגעציטערט פון „זאָל לעבן" און „נידער". בײַם פאַרדריי האָט זי מיט אַ מאָל דערזען עדזשיען. יאָ דאָס איז זי געווען. איר בלאַסן פּראָפיל האָט אַרומגעזוימט אַ שוואַרצער לאָק. זי איז געווען פאַרוויקלט אין זעלבן בלויען אָפּגעטראָגענעם מאַנטל. אַ ביסל ווײַטער האָט דאָ ערגעץ געפלאַטערט אַ האַנט, אַ פּאָר ברילן זענען בײַ עמיצן אין געדראַנג אַראָפּגעפאַלן. צווישן אומגעדרייטע פּלייצעס האָט זיך געפּלאָנטערט

אַ ברוינער הוט. פון סאַמע פאָרנט האָט מען זיך שוין אַ ווינגעטאָן אויף צוריק. דער מיטן פון דער מאַסע איז פּלוצים געוואָרן לײדיקלעך צעשאָטן. אַרום די ווענט אַרום די אָפּגעשלאָסענע טויערן, זענען געבליבן אַזוי ווי צוגעקלעפּט אויפגעהייבענע פּיס און הענט. ווײַס מיידלש אונטערוועש האָט ווי אַ טויב אַ פלאַטער געגעבן. אין דער לופטן האָט אויך געפלאַטערט קאַלטער שטאָל. זי האָט מער נישט געוווּסט צו וועמען די אויסגעשרײַען געהערן. אַלע דורכגענג זענען שוין געווען פאַרשטעלט פון אָט דעם בלענדנדיקן בליאַסק. דורך אַלע צוימען האָט מען זיך געריסן פון דאַנען. פּיס, הענט, שטעקנס און אומגעוואַלגערטע פערד האָבן זיך אַ מיש געטאָן.

דערנאָך האָט זי ווידער דערזען לעבן זיך עדזשיען. זי איז געשטאַנען דעם קאָפּ פאַרוואָרפן צו די גאָרטן־שטאַכעטן און אַ טראָפּן בלוט אין פּנים. דער אַראָפּגעפליקטער בערעט האָט זיך געוואַלגערט בײַ אירע פּיס. אַזוי קלאָר און באַנג איז עס אַלץ פאַרבליבן, ווען מ׳האָט זיי אַלע שטאַרק באַוואַכט אַראָפּגעפירט צום טעאַטער־פּלאַץ.

קאַפּיטל 6

מיט אַ לײַכטן קאָפּ־שווינדל איז סטערקע פאַר נאַכט געגאַנגען איבער די זעלבע טומלדיקע גאַסן. דינע שנייטראָפּעלעך האָבן געקלעפּט צו אירע וויִעס. עדזשיעס צימערל האָט זי אָנגעטראָפן ליידיק. די אומעטיקע ווענט האָבן איר צוריק אַראָפּגעטריבן פון דאָרט. זי איז געשוווּמען איבער די אָוונטיקע גאַסן און ס׳האָט זיך איר אַלץ פאַרגעדענקט דער פּראָפיל, אײַנגערעמט אין שוואַרצן לאָק. נאָך מיט אַ טאָג פריִער האָט זי געהערט, האָט מען אַ גאַנצע גרופּע אָפּגעפירט אין דער מאָקאָטאָווער תּפיסה. אומקערן זיך צו דער שוועסטער איז נישט געווען נאָך וואָס. יענער לעצטער אָוונט איז שוין איצט געווען אַזוי ווײַט — דאָס שטילע צימערל אונטערן דאַך די מוזיק, דער זוניקער יום־טוב אויף די ראָזע שנייען, אין די קליינע שטאָטישע גערטלעך. זי האָט דערוואַרט אַז שימעלע זאָל איר הײַנט־מאָרגן אָפּשטעלן אויף דער בערזע, אָדער בײַם אהיים גיין פון דער אַרבעט. ער וועט זי לײַכט אַ נעם טאָן אונטערן אָרעם און שמייכלענדיק אַ פרעג געבן: „נו, ווי פילט מען זיך נאָכן ערשטן אַרעסט?”. דערנאָך וועט ער זי צובאַגלייטן ביז צו אַ ראָג, אַ בליקטאָן אויפן האַנטזייגערל און אַ געשעפטלעך־צעטראָגענער אָפּגעזעגנען זיך.

אָפּגעשטעלט אויף דער בערזע האָט ער זי דעם זעלבן אָוונט. בײַם זייגער אויפן ראָג איז אויף זײַן פּנים דורכגעפלויגן אַ נערוועזער שמייכל:

— מ׳האָט דערציילט, אַז האָסט זיך גוט געהאַלטן. כ׳האָב געמיינט אַז וועסט שרײַען „מאַמע”. אַ שפּאַס אין אַ זײַט — כ׳האָב דיך ערגעץ צוגעטיילט. — און ער האָט איר דורכדרינגלעך אָנגעקוקט.

זײַן אײַליק אָפּגעזעגנען זיך האָט איר שוין מער נישט געאַרט. זי האָט אַפילו באַשלאָסן אויסצומײַדן אים. אין פאַרהויכטן נאַסן־שפּיגל האָט זי זיך דאָס מאָל אין גאַנצן נישט דערקענט. דאָס גאָמבקעלע איז געווען נאָך מער אויסגעשפּיצט און אירע באַקן האָבן אָנגעווירן די פּראָווינצער ראָזיקייט. זי איז געווען מיד. אָבער דאָס שיקלדיקע אויג האָט געקוקט דרייסט פון אונטערן פאַרשוירענעם לאָק. זי איז שוין מער נישט געווען קיין פאַרבלאָנדזשעטע אין דער גרויסער פרעמדער שטאָט.

לאַנג האָט זי נאָכגעקלערט די פּשוטע און אָפנהאַרציקע רייד פונעם מיידל מיטן מענערישן טראָט, אין גרויען פאַלטן פון זעלנערישן שניט וואָס האָט פאַרוויקלט איר שמאָלע טאַליע. אַ העלבלאָנדע, מיט אַ שרײַענדיקן גאָלדענעם צאָן פון פאָרנט, איז זי גלײַך איבערגעגאַנגען מיט איר אויף „דו”. באַקענט האָבן זיי זיך טאַקע דורך שימעלען. זיי זענען צוריקגעגאַנגען פון אַ שטיל פאַרלוירן הויז, אין אַ טונקעלן קוואַרטאַל פון אַ זיצונג.

— נאַרישע! — האָט זי גערעדט מיט אַ שמייכל און ווי סטערקען האָט זיך צוערשט געדאַכט, אָן איבערלעבונג — ס׳געפעלט דיר אַ יאַט גייט מען צוזאַמען וווינען. נישטאָ דערווײַל קיין צײַט אויף ווייענישן און קרעכצענישן.

— און אַז מ׳האָט טאַקע שטאַרק ליב?

יאָ, פאַרשידן ... נעם און לייען אַדורך, למשל, קאָלאָנטאַיאַן. ס׳איז נאָך דעם אמת געזאָגט אַלץ אַ מעשה אָן אַן עק... אַפילו דאָרט...

זי איז אַוועק אַן אומעטיקע מיט אַ שווער געמיט. מער האָט זי פאַר קיינעם נישט גערעדט און געוואָלט פאַרגעסן אין אַלעם. די פרײַע אָוונטן אירע האָבן זיך איצט אויסגערויבערט אין די ענגע קאַוויאַרניעלעך אויף דער דזשיקע. האַלבע נאַכט האָט זי זיך אומגעקערט פון די בערזעס, פון די פאַרקאָפּטשעטע פאַראיינס־לאָקאַלן, פון די פאַך־פאַרזאַמלונגען, פון די שפּעט־פאַרצויגענע זיצונגען. זי האָט אָנגעקלונגען אין אַ נידעריק טויערל אויף דער מילע, גרינג געטענצלט איבער דער שטיג און אַוועקגעוואָרפן זיך אויפן אויפשטעלבעטל, וואָס זי האָט אָפּגעדונגען אין אַ קיך פאַר צען זלאָטעס אַ חודש. פונעם אָנגעפאָרענעם טראַמוויי און פון די שווערע קוילן־פורגאָנעס, וואָס האָבן זיך געטרייסלט אויפן ברוק האָבן די שויבן געציטערט. געלע און ראָזע פּאַסן האָבן זיך געקײַקלט איבערן סופיט, איבער די ווענט. אין די ווײַטערע שטובן הינטער טירן, האָט מען זיך כּסדר געוועקט. די פרומע באַלעבאָסטע מיטן ווײַסן נאַכטהייבל און מיטן פאַלשן שנעבעלע, האָט נאָך האַלבער נאַכט אויפגעשטעלט סקריפּנדיקע בעטלעך, צעליינגט שעניקעס איבער דער גאַנצער שטוב פאַר פּראָווינצער ייִדן, קליינשטעטלדיקע ווינקל־רבילעך און קאַליקעס, שנאָרער וואָס האָבן זיך געברענגט אָנצושלעפּן פון די צוגן און פון די אויטאָבוסן. די אַכסניה איז אייביק פול געווען. באַלד אין דער פרי האָבן זיך דאָ אויפגעכאַפּט קריגערײַען, אַ מורמלעניש פון ייִדן וואָס האָבן אויף דער גיך אַרײַנגעשלונגען דאָס דאַווענען „פון פאָרנט”. זי האָט לאַנג געמוזט אָפּוואַרטן איר ריי אין קיכל בײַם קראַן. דערנאָך האָט איר צוריק אײַנגעשלונגען דער גאַסן־טומל וואָס איז געגאַנגען אויף דער דזשיקע.

די יונגע, די אונטערגעוואַקסענע, וואָס קומען אין פאַראיין אין די בערזע־קנײַפּעס, בחורימלעך וואָס הייבן זיך ערשט אָן אַרומצוגאָלן דעם פּוכיקן האָראָויסשיט אויף דער גאָמבע, האָבן שעמעוודיק געפלאַטערט אַרום איר, האָבן זײַטיק נאָכגעקוקט איר ענערגיש באַוועגן זיך און געצויגן האָט עפּעס דער חן פון איר שיקלדיק אויג. אַלע האָבן זי געשלונגען מיט די אויגן, ווען זי האָט זיך אויף אַ פאַך־פאַרזאַמלונג דרייסט געמאָלדן צום וואָרט. זי האָט גוט געוווּסט אַז זי נעמט שטאַרק אויס מיט איר פּיסקל. זי האָט פאַרמאָגט שווּנג, דאָס מיידל, און האָט זיך אומעטום געוואָלט אָנזען. מען האָט זי געקליבן אין קאָמיסיעס אין פאַבריק־דעלעגאַציעס און אין קעמערל ווו שימעלע האָט איר אויף זײַן אחריות צוגעטיילט, האָט זי זיך געכאַפּט צו אַזעלכע אַרבעטן וועלכע עס פירן געוויינלעך אויס ייִנגלעך אײַנשטעלערס. אָפּזיצן עטלעכע טעג איז געווען אַ נאַרישקייט, אַבי די דעפענסיווע האָט נאָר נישט געפונען צו וואָס זיך צוצושעפּן. זי איז אַרומגעשוווּמען איבער די לאַ־

קאָלן, איבער די אָוונטיקע בערזעס און ווען ס'איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט אין אַ פאַבריק האָבן זיך אַלע אונטערגעוואַקסענע בחורימלעך געריסן צו גיין דווקא מיט איר אויפן שטרייַק־פיקעט. זי האָט געשמייכלט און איז געגאַנגען, אָבער אומגעקוקט אויף זיי האָט זי זיך נישט. זיי האָבן איר געלאַנגווייַליקט מיט זייערע שעמעוודיק־פאַרפלאָנטערטע רייד, מיט זייערע אומגעלומפּערטע קאָמפּלימענטן מיט זייער שוואַכן האַנט־דרוק. זי האָט זיך געפילט וויכטיקער פון זיי. זי האָט שוין געהאַט דורכגעלייענט אַ סך ביכלעך, און מיידלעך פון איר עלטער זענען געוויינלעך פאַרליבט אין די שיינע העלדן פון די ראָמאַנען. דאָס שטעטל וואָס לאָזט זיך שיף אַראָפּ צו דער ווייַסל, האָט אַרויסגעזונגען צו איר אין דינעם פייַערלעכן אומעט פון גריגס מוזיק אין „פער־גינט", אין דער פאַרטראָגענער קירכן־מוזיק פון באַך. די זונטיקדיקע פרימאָרגן־קאָנצערטן אין דער פיל־האַרמאָניע האָט זי זעלטן דורכגעלאָזן. די צעשאָטענע דעמאָנסטראַציעס אויף די הילכיקע ברוקן און פלעצער פון שטאָט און די פאַרשטיקטע בוידעמשטיבלעך, ווו עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן די זיצונגען, האָבן געפלאַטערט מיט דער דאָזיקער מוזיק. זי איז אומגעשווומען אין הוילער פּאָעזיע.

אימפּאָנירט האָבן איר די עלטערע פון זיך. דרייסט האָט זי אַ כאַפּ געטאָן געאָרעמט, גרינג ווי אַ ווינטל, אָנגעהאָנגען זיך אין זייערע הויכע אַקסלען. אין אַ שטיל הויז צווישן טאָג און נאַכט, האָט זי גיריק געשלונגען דעם בלוילעכן רויך פון אַ פּאַפּיראָס, וווילעריש געבלאָזן אים פון זיך, ביַים אָנצינדן דאָס ליכט איז זי פאַרבליבן אַ צעפלאַמטע, אַ צעשויבערדיקע. זי האָט זיך אומרויִק באַטראַכט אין שפּיגל, זייער פאַרטאָן זיך אָפּגעזעגנט און איז צוריק אַנטלאָפן אויף די בערזעס, אויף די פּאָדפּונקטן צו די טומלדיקע פאַראיינס־לאָקאַלן.

קאַפּיטל ד

אין דעם ווינטער פון דער גרויסער שטרייַקן־כוואַליע ווען די צעאָדערטע טראַמווייַ־שינעס איבער דער שטאָט, פאַרווישט אין נעפּל האָבן געזשאַווערט, איז זי געווען אַן אָפטע אייַנגייערין אין קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע. זי האָט זיך באַוויזן און איז פאַרשווונדן. דאָס קעלערל איז געלעגן פאַרשטעקט אין אַ טיפן הויף, אַרומגעשטעלט מיט מויערן. דער סטאָלערייַ־וואַרשטאַט האָט אַ גאַנצן טאָג געראָדערט. ס'איז געגאַנגען אויפן נאָמען פון די צוויי משהס. דעם לאַנגן דעם רויט־אָנגעגאָסענעם האָט מען גערופן מויש. און דעם נידעריקן מיט די גאָלדיקע האָר אויף די בלייכע אָפּגעדעקטע הענט — משהלע. דער קליינער משהלע האָט אָנגעוואַרעמט דעם לאָם, פאַרשמירט די שטאַנגען און געפּאָרעט זיך אַרום די טירלעך פון די נאַכט־שאַפקעס. דער לאַנגער מויש האָט שווער געסיקעט מיטן הובל. ביַי טאָג איז אונטערן נידעריקן געוועלב געווען האַלב־טונקל און ביַי נאַכט האָט מען זיך צוזאַמענגעלייגט און אָנגעצונדן אַ ליכטל. געקליבן האָט מען זיך דאָ דער עיקר, ווען מ'האָט געשטרייַקט אין די ייִדישע טעקסטיל־פאַבריקלעך אַרום מוראַנאָוו. מ'האָט געטענהט, גערעדט, דיסקוטירט, אָפּגערעדט פון אַ וועלט, אַרומגעקריגט זיך, פאַרצויגן אַ לידל און זייערע געדעמפּטע קולות האָבן זיך געריסן דורכן פאַרווייעטן קראַטן־פענצטערל. יעדן נייַצוגעקומענעם האָט מען דאָ באַגעגנט מיט אַ פרישער ביבקע, אַנדערש איז ער נישט אַדורך אין דער קאָמונע. פאַר דער אויסגעהונגערטע באַנדע וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעוואַלגערט זומערן און ווינטערן, איז עס געווען אַ גוטע געלעגנהייט איין מאָל כאָטש אָנצועסן זיך צו דער זעט...

אין די וואַרשעווער ווינטערדיקע פאַר טאָגן קרייען נישט קיין הענער אין שטעלעכל הינטערן פענצטער. די שטאָט ליגט אייַנגעקאָוועט אין אַ ביַיסיקן פראָסט. אַז מען שאַרט אָוועק דאָס ברודיקע פאָרהענגל, דערזעט מען דורכן אָפּגעהויכטן לעכעלע, ווי איבער קרומע דעכער צעשווימט אויפן פּלאַץ מוראַנאָוו אַ שיטערער נעפּל. פון אַלע ראָגן פאָרן אָן טראַמווייַען מיט אָנגעצונדענע שויבן, קוילן־פורגאָנעס ברענגען זיך אָן צו טרייסלען די בריקן פון פּראַגע. אין אַזאַ פאַרטאָג גלוסט זיך זייער נישט אַראָפּצוקריכן פון אָפּגעדונגענעם אויפשטעלבעטל. מען פאַרגראָבט זיך אונטער דער צעאָדערטער קאָלדרע, אַרייַנצוכאַפּן נאָך אַ דרעמל. וואָס צו פאַרשפּעטיקן איז סיַי־ווי נישטאָ. דערפילט מען אָבער אַ קליינעם שטויס:

— קוקט עס נאָר אָן — געוואַלדעוועט די ייִדענע — מען קאָן שוין צום „זלעוו" נישט דערשפּאַרן.

כאַפּט מען שנעל עפּעס אויף זיך און מען לאָזט זיך אַראָפּ גלייַך צו צום קעלערל אויף דער מוראַנאָווסקע.

פון די ערשטע פאַלט אַראָפּ דער געלער לייבל, אַ פּאָליטישער עמיגראַנט פון די קרעסן ערגעץ. פאַראַנען נאָך אים שטעקבריוו, פּאָליציי זוכט אים. אַלע פּאָר טעג ציט ער זיך איבער אויף אַן אַנדער מלינה. ער גליטשט זיך אומבאַמערקט אַדורך די גאַסן, דעם קאָפּ פאַרשטעקט אין הויכן קאָלנער. גיריק שלינגט ער אייַן אין זייַנע לונגען דעם בלוילעכן פּאַפּיראָסן־רויך.

— יאַטן! — פאַלט ער אַראָפּ — כ'בין טויט־הונגעריק! ווער גיט מיר אַ פּאָר צי? כ'האָב נאָך הייַנט קיין פּאַפּיראָס אין מייַן מויל נישט געהאַט...

— גיי, ברעך דעם קאַרק! — נעמט אים דער לאַנגער מויש אויף מיט אַ ברוך־הבא — רויכערן גאָר... ס'שטייט אָפּגעקאָכט אַ טאָפּ מיט רייַז און קיין הונט ווייַזט זיך נישט... נאָך אַ מאָל וועט מען אייך איבערלאָזן אַ גוטע קרענק...

באַלד נאָכמיטאָג יאָווען זיך אַראָפּ ביידע גלאַט־פאַרשרונדיקטע מיידלעך גוטקע און פּאָליע. די שטיבער ביַי זיי זענען ייִדישלעכע, סוחריש־אָפּגעקומענע. די עלטערע טעכטער אין שטוב זענען אוודאי אויסגעגעבן פאַר ביוראָליסטן, פאַרשטייער פון קליינע פירמעס און אייגנטימער פון קליינע פאַבריקלעך. אין די שטיבער ביַי זיי — אין די אַלט־איינגעפונדעוועטע ייִדישע שטיבער — שטייען דעמבענע שווער־געשניצטע שענק. אין די טונקעלע עסצימערן וויגן זיך מעשענע הענגלאָמפּן אויף זשאַווערדיקע קייטן. אין טאַטעשים און מאַמעשים שלאָף־חדר זענען די בעטן הויך־אָנגעגאָרנט מיט קישנס און קישעלעך. וויפל מען זאָל דאָרט נישט אַרומרוימען, בלייַבט נאָך אויף אַלעם, דאַכט זיך ליגן אַזאַ דינער שיכט שטויב. אין די זייַטיקע חדרים שמעקט עס שוין מיט ווירקונג פון ייִנגערן דור. אַן עלטערער ברודער, וואָס האָט ביַי דרייַצן־פערצן יאָר באַקומען אַ געטוישטע שטים און קליינע אויסשיטן אויף דער גאָמבע, האָט דאָ איבערגעלאָזן אַ פידל אויף דער וואַנט. דער ברודער איז שוין לאַנג צוריקגעקומען פון אַן איראָפּעיִשן אוניווערסיטעט. צוליבן קריזיס האָט ער אויפגעהערט צו באַקומען דעם חודש־געהאַלט און געמוזט רעזיגנירן פון דער מעדיצין. אַ סטודענט, אַן איראָפּייער האָט אים זיכער אויפגעכאַפּט אַ לייַטיש אויפגעקומען הויז אויף דער געגנשע. אָבער דאָס בילד פון יונגן בחורל אין די אויסגעוואַקסענע הייזלעך איז דאָ הענגען געבליבן, די פאַרשטויבטע פידל — אויך. אין די אַלע שטיבער איז מען אין יענע פאַרפונדעוועטע יאָרן מאָדנע זיכער געווען אַז אין זייערע קינדער ליגן באַהאַלטן ווער ווייס וואָס פאַר אַ גרויסע טאַלאַנטן.

די אונטערגעוואַקסענע מיידלעך זענען אַוועק פאַר שנייַדערינס, העפטערינס, אַפילו אין פאַבריקן, און האָבן שוין באַשטאַנען חתונה צו האָבן מיט אַ געוויינלעכן בעל־מלאכה, אָבער אַ פאַרדי־

נער. די קליינע גוטקע איז „אַרויסגעגאַנגען" מיטן לאַנגן מויש. פון דעם בחורס אָנגעצויגענע מוסקולן האָט געקוועלט מיט ענערגיע מיט זיכערקייט. די מיידלעך זענען דעריבער געווען אָפּטע געסט אין קעלערל. פון דער קליינער גוטקען האָט געשפּריצט מיט הוילן געלעכטער, נאָר די פּאָליע האָט אַלע מאָל געשוויגן. איר איז אַלע מאָל געווען אַ ביסל אומעטיקלעך. מען איז שוין דאָ מיד געוואָרן צו רעדן וועגן בראָניעווסקין און טובימען, צו לייענען אויף אויסנווייניק זייערע פערזן. וויפל מאָל די קעלערווענט האָבן שוין דאָ געהערט באַגייַסטערט דעקלאַמירן טובימס „טאַנצנדיקער סאָקראַטעס", אָדער — וועגן די לעכצענישן פונעם פּאָעט, אין טומל פון דער גרויסשטאָט, נאָך אַ קליין פאַרוואָרפן פּויליש שטעטל, וואָס זאָל זיך רופן לענטשיצע אָדער אַנדערש, אָדער — „די בענקשאַפט מייַנע האָט זיך אייַנגעשפּאַרט"...

— אַ סענטימענטאַלע פרייַלין און פּטור! — טוט אויף פּאָליען אַ קוק פון דער זייַט דער לאַנגער מויש און נעמט זיך ווידער צום הובעל. ער דרייט מער נישט אויס דעם קאָפּ, זיי זאָלן נישט באַמערקן זייַן שמייכל.

— רעד נישט אַזוי מויש — נעמט זיך גוטקע פּאַרטיידיקן — פּאָליע האָט שוין ווייסטו, באַלד אין גאַנצן איבערגעריסן מיט איר קליינבירגערלעכער פאַרגאַנגענהייט...

נאָר פּאָליע הערט סייַ ווי נישט. אין צופאַלנדיקן אָוונט ציט זי אין זיך אַרייַן אַזאַ אומעטיקן סטעפּ־ניגון. ווי פון דינעם רויך הייבט זי דערנאָך אַרויס אירע לייַכט־אונטערגעפירטע ברעמען, אַנטבלויזט דעם שיינעם עלנבויגן צו פאַרריכטן אירע נעגעריש־געקרויזטע האָר און אירע ווייַסע געזונטע ציינער פאַרוואַרפן אַ בלאַסן שמייכל:

— כאַ... אַלע זענט איר דאָ צום טויט לאַנגווייַליק...

איבערצופרעגן איז נישטאָ וואָס. ער טוט אַ קורץ הוסטל מויש, און צעפּאָכעט זיך אויפס נייַ מיטן הובעל. „מער ווי דעם אומעט — טראַכט ער — קענען דיר אַזעלכע מיידלעך נישט אָנטרייַבן. נאָר ס'איז זיי קאַלט, נאָר זיי טוליען זיך... געשמאַק צום טיוול, זענען זיי פון דעסט וועגן"...

ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער אַלגעמיינער שטרייַק, איז די טיר דעם גאַנצן טאָג געשטאַנען אויפגעפּראַלט.

— מזל־טוב! — האָט זיך מויש אַ שטעל געטאָן אין דער גאַנצער ברייט — מיט איין מאָל אַזוי פיל אָנגעלייגטע געסט?

ס'איז געווען אַ פינצטערער נאָכמיטאָג אין יאַנואַר. אין מיטן העלן טאָג האָבן זיך אָנגעצונדן די עלעקטרישע לאָמפּן אויף די ראָגן. פון ווינט וואָס זיי האָבן דאָ אָנגעטראָגן, האָט זיך געטאָן אַ לעש אויס דאָס אָנגעטריפטע שטיקל ליכט. מען איז אַ פאַל געגעבן איינער איבערן אַנדערן מיט געלעכטערן און קולות. דאָס פענצטערל אונטערן געוועלב איז פאַרהאָנגען געוואָרן. לכבוד די געסט האָט מען אָנגעצונדן דעם גאַזלאָמפּ. דאָס פלעמל האָט רויטלעך פאַרטשאַדעט די ווענט. דער געלער לייבל איז שטיינגעבליבן ווי אַ האָן אויף אַ סטויג היי אויפן שטויס ברעטער. שימעלע איז באַלד אַרויס מיט זייַן מעטאַלערן באַסל. ער האָט געצופּט קלמנען, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין ווישן מיט אַ שפּיץ פון אַ ברודיק טיכעלע זייַנע אָנגעהויכטע גלעזלעך, ער זאָל אים אונטערהעלפן. סטערקע האָט אים אַ באַקוק געטאָן און ס'האָט זיך בייַ איר גלייַך אָפּגעריסן דאָס גלעקלדיקע שקאָצעוואַטע לאַכעלע. אין דער טונקל, האָבן די גרינגלעכע אויסגעהונגערטע אויגן בייַ שימעלען אויפגעלויכטן פאָספאָריש. געלאַכט האָט זי שוין דערנאָך דעם גאַנצן אָוונט די סטערקע, און נאָך מער — ווען שימעלע האָט איר אַ כאַפּ־געטאָן בייַם האַרשויבער צו זיך אין שויס אַרייַן און זיך געבעטן:

— געדענקסטו?... יענץ לידל...

און זי האָט געזונגען. איר שטים איז געווען ווייך און בענקענדיק. געזונגען האָט זי ווען אַלע האָבן אויפגעהערט צו רייַבן מיט די ציין די דאַרע בייגל, און נאָך דעם ווי מען האָט אויפגעהערט אַרומדינגען זיך מיטן לאַנגן מויש, וואָס האָט זיי דאָ אַלעמען געמאַכט אַ סורפּריז און פּלוצים אַרויסגעצויגן פון די טיפע הויזנקעשענעס אַ פלאַש.

— דערלאַנג אַהער — האָט שימעלע געדונערט — דעם גומען צו באַנעצן... מאָרגן גייט מען סייַ־ווי נישט צו דער אַרבעט...

אין דעם אָוונט ווען אַלץ אין שטאָט האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז ער געווען באַזונדערס הייַטער.

— נעם — האָט ער סטערקען געשטופּט דאָס פלעשל צו די ליפּן — נאָר פאַרקרעק זיך נישט!

זי האָט געטרונקען מיט גרויסע שלוקן ווי אַ מאַנספּאַרשוין, נישט פאַרהוסטנדיק זיך אַפילו. איין קלמן האָט זיך אָפּגעזאָגט צו טרינקען:

— אַ דאַנק! — האָט ער זיך געהאַלטן אין איין ווישן די ברילן־גלעזלעך — כ'טרינק נישט קיין אַלקאָהאָל. דער דאָקטער האָט עס מיר פאַרווערט.

דערנאָך האָט מען אויסגעהערט אַלע פריילעכע און קאָמישע מעשיות פון געלן לייבלען. ער האָט זיי געהאַט מיטגעבראַכט פון תפיסה ווו ער האָט „אָפּגעקוועטשט" פינף יערלעך. מ'איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן אָנגעוואַלגערטן באַרג הובלענעס און אַרומגערעדט יענעם מאָמענט ווען די גאַסן און געסלעך אַרום מוראַנאָוו וועלן פאַרוואַנדלט ווערן אין באַריקאַדן. די פּאַפּיראָסן־פייַערלעך האָבן זיך העל צעפינקלט. לייבלס קראַנקע לונגען האָבן געאָטעמט מיט רויך. אין די דאָזיקע אומרויִקע טעג, ווען אויף די גאַסן זענען כסדר אַרומגעפאָרן די קעטשלעך, האָט ער זיך נישט אַרויסגערירט פון קעלערל. צווישן איין מאָל פאַרציִען און דעם אַנדערן, האָט מען אויסגעהערט ווי אַזוי מען האָט זיך עס אַלץ פאָרגעשטעלט אין דער תפיסה, ווי אַזוי מען האָט שוין דאָרט אַפילו גענוי געהאַט אויסגערעכנט די סטראַטעגיע פון פאַרכאַפּן איין גאַס נאָך דער אַנדערער אין וואַרשע...

— ...וואָס האָבן מיר שוין דען נישט געהאַט באַקלערט? מיט דער דזשיקע, האָבן מיר באַקלערט, וועט מען, דורך די הייַזער פון ביידע זייַטן, האַקן ווענט פון אינעווייניק צום טעאַטערפּלאַץ. פון דאַך־אַראָפּ פון דער גרויסער טעאַטער־געביידע, איז לייַכט צו באַשיסן דעם צענטראַלאַרעסט, דעם ציטאַדעל און די ווייַסל־ברעגן. און אַז די ערשטע פּלוטאָנען מיליטער וועלן זיך עס טאָן אַ וואָרף אַריבער...

אָבער דערציילט האָט ער דער עיקר קאָמישע מעשיות פון תפיסה:

— ...אַ „טשודאַק" אַ ייִד געווען, און גערעדט האָט ער פּאַר פייַער און וואַסער: געווען אין דער פּוילישער אַרמיי אין 1920, דעזערטירט, אַריבער צו די באָלשעוויקעס, פאַרוווּנדעט געוואָרן הינטער מינסק. אין תפיסה אַז מען פּאַקט אַרייַן אַזאַ איינעם איז פריילעך. נאָך בייַ טאָג דערציילט מען אים, אַז ס'מאַכט זיך אַ מאָל, דער

אויספאָרשונג־ריכטער קומט פלוצים אַראָפּ אין מיטן דער נאַכט... נאָכן אויסלעשן דאָס ליכט, לייגט זיך איינער אַוועק אונטער אַ נאָרע און רעדט פון אַ שוך אַרויס מיט אַ פאַרדומפּן קול. מען מעלדעט כלומרשט דורך דער טיר, אַז דער אויספאָרשונג־ריכטער רופט דעם פריש־געברענגטן. דער „אויספאָרשונג־ריכטער" פאַרשטעקט אונטער דער נאָרע, פרעגט אַלץ אויס, שטרענג גענוי, ערנסט און זאַכלעך: ווי דער זיידע הייסט, ווי די באָבע, מיט וואָס מען פאַרנעמט זיך. יענער ענטפערט זייער צעמישט און ביַי דער פראַגע פאַר וואָס ער זיצט, רייסט ער זיך גאָר אויף: „אומשולדיק פאַניע סענדזשיע, אינגאַנצן אומשולדיק"... רוקט אים דער ריכטער באַלד אונטער אַ גאַנץ אומבאַדיַיטנדיקע פראַגע: „צי קען מיר נישט דער באַשולדיקטער דערציילן ווי אַזוי עס האָט זיך אים געלעבט אין דער אַרמיי? "... דאָ פאַרשטייט ער שוין מער גאָרנישט און פישטשעט אַרויס אומגליקלעך: „חברה — אַ פּראָוואָקאַציע! "...

הינטער אַלעמענס פּלייצעס האָט שוין דאָ דער לאַנגער מויש ערגעץ געשנאָרכט. שוין געווען גוט שפּעט און קיינער האָט זיך נאָך נישט גערירט פון אָרט, נאָר פון דער מיט האָט זיך ווידער אויפגעכאַפּט דער געלער לייבל:

— ווער גיט מיר 5 גראָשן פאַרן טויער? כ'האָב שוין נישט קיין כוח צו קושן מיַין אַלטער סטרוזשקע אין דער האַנט אַריַין...

עמעץ האָט אָפן געלאָזן די טיר און אַ דינע קעלט האָט געצויגן. דאָס ווירבלדיקע שנייעלע אין דרויסן האָט שוין געהאַט אויפגעהערט. פון איבער אַרומגעשטעלטע פינצטערע מויערן האָט אַראָפּעקוקט אַ קליין פּאַסיקל אויסגעשטערנטער הימל. סטערקע איז געזעסן, דעם קאָפּ אַריַינגענומען אין ביידע אונטערגעשפּאַרטע דלאָניעס. זי איז מיד געווען. אין די טעג איז זי פול געווען מיט פיבער. איבער די אָוונטיקע שפּאַציר־גאַסן האָט זי אַרומגעצאַפּלט ווי אַ פלאַטערל, גערעדט מיט דעם, פאַרהאַלטן יענעם, אָנגעזאָגט, איבערגעגעבן און ווידער אַנטלאָפן. זי האָט דאָ אויפגעזוכט לעבן זיך שימעלעס אַקסל און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ. איר אָטעם איז געווען אַ רויִקער, בענקנדיקס האָט געציטערט איבער מויערן, הויך איבערן גרויסשטאָטישן פאַרקער. ס'האָט זיך דאָ נאָך אַלץ אַרומגעטראָגן דער ווידער־קול פון איר שטימעלע:

...אונדזער גאָרטן ליגט פאַרשאָטן
אונטער טיפן שניי.

משה שולשטיין (פּאַריז)

דער ניגון פון מײַן טאַטנס ניימאַשין

(אַ פראַגמענט)

אַ ניימאַשין איז בײַ מײַן טאַטן געווען,
איך קען בשום־אופן נישט וויסן זינט ווען,
ווײַל ווי כ'האָב די ליכטיקע שײַן נאָר דערזען
איז זי אין דער היים שוין אַ תושב געווען.
משמעות, מײַן טאַטע האָט זי שוין פון לאַנג
באַקומען אין נדן, צי דרשה־געשאַנק.
איך ווייס נאָר דאָס איינע: איך האָב זי דערקענט
צו גלײַך מיט מײַן מאַמעס פאַרוויגנדע הענט,
איך ווייס נאָר, איר ניגון פאַרנומען האָב איך
צו גלײַך מיטן ליד, וואָס פאַרוויגט האָט מען מיך.

ווי גוט איז געווען אונדז מיט איר געזאַנג,
ווען פריילעך געטאַנצט האָט די נאָדל, די שטאַנג,
און שטאָפן געוואַרט האָבן, באַרכטן און טוך,
אַז זי זאָל זיי טאָן מיט די ציין אַ פאַרזוך.
אַוועק זענען קליידער אַ טוץ נאָך אַ טוץ
מיט לידער פון בולבעס, פון האָפנונג און גוטס,
וואָס האָבן מיט איר אין געזאַנג זיך פאַרהערט.
„דרײַ נייטאָרינס" פרצעס האָט מען געהערט,
דאָס ליד פון מײַן עלטערער שוועסטער, וואָס מ'האָט
אין שטעטל געברענגט און עס האָט אינעם ראָד
פון אונדזער מאַשין זיך פאַרפלאָנטערט, פאַרדרייט,
געציטערט אין נעט פון אַ יעטוועדן קלייד.

ווי ס'האָט זיך אין שטעטל דער ווינטער געשטעלט,
אַוועק איז די ניימאַשין איבער דער וועלט,
אין דערפער אין ווײַטע געשלעפט זיך אַזוי,
פאַרלאָדנט אין פויערישע וואָגנס, אין שטרוי,
מיט טלית און תפילין, מיט אײַזן און שער,
און מילכיקע לעפל און טעפ, ווי ס'געהער.
אַזוי האָט זי גאַנצע געזינדן באַקליידט,
די דערפער אין וואַרעמער וואַטע פאַרנייט.

ווי אומעטיק איז אונדז געווען אָן איר קול
ווען שווײַגן, אָן אַרבעט, פלעגט זי ווען אַ מאָל.
געשטאַנען איז זי אין אַ ווינקל אַליין,
די נאָדל פאַרחלשט, פאַרהאַקט אין די ציין.
אַ נאַקעטער שטייט אין אַ זײַט די „פיגור",
מען מעסט אויף איר גאָרנישט — פון אַרבעט קיין שפור,
מען הערט נישט קיין סקריפ, נישט קיין פיפס טאָן פון איר.
עס שווײַגט די מאַשין — און עס שווײַגט דאָס געזאַנג,
עס שווײַגן די טעפ אויף דער קיך — שלינג און שלאַנק,
עס פײַפט נישט דער טשײַניק, עס קנאַקט נישט דער קין. —

ביז איין מאָל געטראָגן מ'האָט אונדזער מאַשין
אין דרויסן אַרויס, ווי אַ מת, און מ'האָט איר
פאַרפאַקט אין אַ וואָגן, מיט פעק און געשיר,
מיט קינדער, מיט עופות. דורך נאַכט און דורך פראָסט
עס האָט די מאַשין זיך נאָך וואַרשע געלאָזט...
אַראָפגעשטעלט האָט זי אַ פוס אויף אַ הויף
פון מוראַנאָוו ערגעץ, אין טומל, אין לויף,
פון דאָרט אין אַ קעלערשטוב איז זי אַראָפ,
פאַרשעמט ווי אַ יורד, געזונקען דעם קאָפ.

וואָס זעט זיך בײַם מוראַנאָוו אָן אַ מאַשין?
איז מילא, געקומען נאָך איינע אַהין.
עס דרייען זיך רעדלעך, איז דרייט זיך נאָך איינס
אין קעלער, ווו קאַרג איז אין שפאָרזאַם די שײַן;
ווו ס'בעט איז אַ טיש, און אַ טיש איז דאָס בעט
און ס'לויפן, ווי שליאַכן, אויף שטאָפן די נעט,
אַ קאַנט יאָגט אַ קאַנט, ווי אַ וועג נאָך אַ וועג,
מיט זיי לויפן טעג און חדשים אַוועק,
די ניימאַשין עלטערט זיך, יערט זיך אין נויט,
עס פלאַצט און עס רינצלט איר גלאַנציקע הויט,
באַדעקט איז איר קאָפ שוין מיט זשאַווער און צײַט,
דער קאָפ פון מײַן טאַטן — מיט זילבערנעם זײַד, —
דאָך אַרבעט זי ווידער, דאָך שטייט זי נישט אָפ.
מיט בוימל דערמינטערט, דערוועקט איז איר קאָפ.
מ'לייגט אונטער איר ציוועקעס, ווי אייער אַ הון,
און ווידער געטון, נאָר געטון, נאָר געטון,
און ווידער געאַרבעט, גענייט און געשטעפט,
מיט כוחות די בידנע איר עלטער דערשלעפט.
מײַן שרײַבטיש נאָך זײַן איר געווען איז באַשערט,
און מ'האָט מײַנע לידער די ערשטע דערהערט...
זי האָט זיך אויף צײַטן פון אומגליק דערוואַרט. — — —

זי איז אינעם געטאָ מיט יעדן פּאַרשפּאַרט.
עס פירט זי מײַן טאַטע אין דײַטשישן שאָפּ,
אַז ראַטעווען, אויסקויפן זאָל אים איר קאָפּ,
אַז לינדערן זאָל זי דער מאַמען די נויט,
ווי ס'ליגט — אַ דערוואָרגענער פויגל אין קויט —
דאָס פּרעסאײַזן, אומנוציק, זשאַווערדיק, שטום,
און ס'וואַלגערט אין הויף די פיגור זיך אַרום
מיט ריפּן צעפּליקטע. זי ליגט מיט אַ מת,
וואָס אויסגעקוקט האָט ער דעם טויט ווי אַ נס.

וואָס האָט נישט די ניימאַשין אַליך שוין גענייט?
פון לײַוונט, פון סאַמעט, פון אַטלעס און זײַד;
פון שפּענצערס און העמדער פון היימישן לײַן;
פון קליידערלעך קורצע פול קינדישן חן;
פון אויסשטײַערס צאַרטע און שלײַערס פון טיול
און שפּיצן פול צניעות און פליטערלעך פול.
איצט וויי דער מאַשין, וואָס זי שטעפּט, וואָס זי נייט, —
בגדים דעם מלאך־המות פאַרגרייט.
עס שווינדלט די גרינקייט פון טמאן געוואַנט,
עס קען מער קיין אַנדערע פאַרב נישט די האַנט.

די נאָדל פאַרביסן אַ גיפטיקע שטעכט,
אַזש ס'איבלט דער ניימאַשין, שטיקט זיך און ברעכט
מיט גרין פון געוואַנט, ווי מיט גרינקייט פון גאַל,
ביז איבערגעפולט איז געוואָרן דער זאַל,
און מ'האָט אַ באַפעל איר געגעבן: גענוג! —
אין אומשלאַג־וואַגאָן זי געטאָן אַ פאַרוק.
פאַרלאָדנט נאָך איין מאָל מיט מענטשן און פעק,
און מיט טאַטע־מאַמע נאָך איין מאָל אַוועק...

ל. אָליצקי (וואַרשע)

דורך טויט צום לעבן

(אַ בילד פֿון וואַרשע בעת די נאַצי אָקופּאַציע)

וואַרשע. האַרבסטיקער באַגינען. די זון זיצט נאָך נידעריק אויפֿן האָריזאָנט. אירע רויטלעך־גאָלדיקע שטראַלן שפּילן בלויז מיט די צלמים שפּיצן אויף די קאָשטשאָלן. איר שײַן פֿלאַטערט לײַכט איבער די גאַסן און געסלעך, וואָס זינקען אין קילקייט און שאָטן. די לופֿט איז דורכגעזאַפּט מיט דער פֿײַכטקייט, וואָס די ווײַסל האָט אַהער אַרײַנגעאָטעמט איבער דער נאַכט. די דורכגייער קאָן מען ציילן אויף די פֿינגער.

די היטער פֿון געזעץ און אָרדנונג זענען איבערגעמאַטערט פֿונעם נאַכט דיזשור. זייערע גרין־פֿאַרוועלקטע פּנימער — אויפֿגעלאָפֿן, אין די אויגן פֿיבערן רויטע אָדערלעך, איבער די רוקנס גליטשן זיך קאַלטע זשאַבעס, דאָס לײַב קנייטשט זיך אין פֿאַרמאַכטקייט, און די הענט פֿאַרציִען מאַשינעל די מאַנטלען, אויסצובאַהאַלטן דאָס לעצטע ביסל אייגענע וואַרעמקייט, עס נאָגט דער שלאָף און ציט צום באָדן. דער שאַרבן — אָנגעגאָסן מיט בלײַ. דער פֿאַרנעפּלטער בליק קוקט מער אויס דעם, וואָס דאַרף קומען טוישן דעם דיזשור, איידער ער פֿאָרשט נאָך אַ פּשוטן פֿאַרבײַגייער... כאַפּט זיי דער רוח.

אויפֿן ריבאַצקע־געסל, וואָס איז שכנות מיט דער ווײַסל, אינעם פֿײַכטן, פֿינצטערן קעלערשטיבל פֿון די איוויצקאַס, האָט מען ספּעציעל באַשטימט די דאָזיקע צײַט, ווען מאַריאַ זאָל זיך לאָזן אין וועג אַרײַן, אינעם וועג, וואָס לויערט מיט דורכויסיקע סכנות, זיך צוקושט מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ און פֿאַרקלעמטע ליפּן מיט דער שוועסטער יאַדוויגאַ און איר טאָכטער, אַנאַסטאַסיאַ, גייט זי אַרויס, פֿון קיינעם נישט באַגלייט, פֿון דעם קעלערשטיבל און לאָזט זיך פֿון אַלטשטאָט צום וואָקזאַל.

זי גייט מיט אַ לײַכטן גאַנג, ווײַל אויף איר עלטער, וואָס זאָל שווער מאַכן איר טראָט? דער באַגאַזש, וואָס זי טראָגט אויפֿן רעכטן אָרעם, איז זייער אַ גרינגער — אַ כמעט ליידיק שטרויען קוישל, איבערגעדעקט מיט אַ שוואַרץ טיכל. איר גוף אַליין איז אויך, מחמת מאָגערקייט און טרוקנקייט, גרינג און ווינטיק, ווי דאָס שטרויענע קוישל. די דרײַ יאָר דײַטשע אָקופּאַציע מיט די קאָשמאַרע פּחדים, כסדרדיקן הונגער, און לעצטנס, די שווערע אַרבעט האָבן אויסגעצערט אירע מוסקולן ביז אַ פֿאָדעם, אויסגענאָגט די לעצטע זאַפֿטן פֿון איר געביין. איר לײַב איז באַהאָנגען מיט אויסגעהוילטע הויטזעקעלעך און מאַטשיקע פֿאָלדן. איר אויסגעמאָרכטער סקעלעט טראָגט אויף זיך אַ גאָר רוחנותדיקע וואָג. טו איר אָן אַ פּאָר פֿליגל, וואָלט זי זיך אויפֿגעהויבן און געפֿלויגן, כאָטש אויף איר געמיט דריקט די שווערע מאַסע פֿון פּײַן און יסורים.

פֿונעם שאָטן, וואָס אונטער דעם דרײַקאַנטיקן דעכל פֿון איר שוואַרצן קאָפּטיכל, שנײַדט זיך שאַרף אַרויס אויף איר קליינעם פֿון — געקנייטשטן שטערן אַ פּאַסמעלע ווײַסע האָר. פֿון איר קליינעם פֿאַרשפּיצטן בלאַס־טונקעלן פּנמל קוקן אַ פּאָר גרויסע־גרויסע גרינלעכער, נאָר אויסגעוועפּטע אויגן. פֿון די פֿעלדלעך אויף איר שוואַרצן אָפּגעבליאַקעוועטן קליידל, בײַם סאַמע האַלדז־גריבעלע, שימערט אַראָפּ אַ קליין פּאָלירט ווײַס קרוציפֿיקסל. דאָס קליידל, מיט גאַנצע פֿאַרשמאָלטע אַרבל, הענגט אויף איר נידעריקער פֿיגור לאַנג און ברייט, פֿאַלדעוועט זיך פֿון אַ מינדעסטער באַוועגונג און פֿאַלט צו צו אירע פֿיס, ווי אויף הילצערנע דרענגלעך. נידעריקער פֿון די קנעכל לאָזט עס אַרויסקוקן אַ פּאָר אָפּגעטראָגענע לײַוונטענע, אַ מאָל שוואַרצע, לעטשלעך.

זי זעט אויס ווי אַ זקנה, אַ נאָנע, וואָס איז נאָר וואָס, נאָך לאַנגן פּײַניקן זיך מיט תפילות און תעניתים, אַרויס פֿון אַ קירכצעלע און שאַרט זיך, ווי אַ שאָטן, אָפּגעפֿרעמדט פֿון וועלט און מענטשן, בײַ די מויערן־ווענט לענגויס גאַס.

מאַריאַ איוויצקאַ שאַרט זיך לײַכט, אָבער אַ קילקייט בלאָזט דורך דער צעלעכערטער חורבה פֿון איר גוף, און זי וויל כאַפּן אַ ציטער. אויף דעם אַלטן געביין קאָן אַזוי ווירקן די פֿרימאָרגן־לופֿט, הגם זי נעמט זיך שוין אָנוואַרעמען. די זון שפּילט שוין אויף די קאָרניזן פֿון די הײַזער, נאָר זי באַצווינגט זיך פֿון דעסט וועגן, מאַריאַ איוויצקאַ, מיטן כוח פֿון איר ווילן, אַז קיין ציטער זאָל נישט אַרויס אויפֿן אויבערפֿלאַך פֿון איר לײַב, דאָס קאָן אַרויסרופֿן חשד. אירע בליקן, פֿאַרקוקט פֿאַר זיך אומבאַוועגלעך, כלומרשט נישט־פֿאַראינטערעסירט, באַמיִען זיך אַרײַנצוראַמען אין זייער זעפֿעלד וואָס מער גאַסרוים. זיי קוקן אויס און שפּירן נאָך.

מאַריאַ איוויצקאַן פּײַניקט די שרעק פֿאַר אַ געפֿערלעכער באַגעגעניש.

נאָר אָן קיינע מכשולים האָט זי שוין באַלד דורכגעמאַכט דעם וועג, וואָס נענטער, אַלץ שנעלער ווערט איר גאַנג. וואָס גיכער פֿאַרלאָזן דעם דרויסן, ווו נעצן פֿון אויסשפּירנדיקע בליקן זענען פֿאַרשפּרייט אויף טריט און שריט! דאָס האַרץ צאַפּלט, ווי אַ פֿישל. נאָך די איינע גאַס, און זי איז בײַם ציל. אין וואָקזאַל וועט רויִקער זײַן אויפֿן געמיט.

פאַר איר בליק ליגן זיך גאַסטפריינטלעך די ברייטע שטיינערנע טרעפ, וואָס פאַר דער וואָקזאַל־טיר, און פאַרבעטן: קום אַרויף און גיי אַרייַן! נאָר סאַמע אין דעם מאָמענט טוט פון דאָרט, בייַם טראָטואַר־ברעג, אַ שטאַרץ צווישן אירע אויגן אַ בלוטיק־רויטער הויך־אַקסלדיקער מאַן אין פּאָליציי אוניפאָרם. זייַנע בליקן — אויסגעבויגענע און פאַרשפּיציקטע, ווי קראַלן פון אַ חיה. ער שטייט, אַזוי ווי טאַקע אויף איר וואַרט ער, זייַנע בליקן קראַצן אַראָפּ פון איר שוין באַצייַטנס די מלבושים מיט פאַסן הויט. זי דערפילט שטאַרקער דאָס האַרץ — עס שלאָגט שנעל און הויך, ווייַלנווייַז זיך אין גאַנצן פאַרהאַקנדיק, ווי אַ קאַליע זייגער: אַ געשטאַפּאָווניק.

דער אינסטינקט פון זעלבסט פאַרהיטונג זאָגט אונטער דעם צעטומלטן פאַרשטאַנד: פאַרקערעווען, פּרוּוון אים אויסמייַדן, הייסט — זיך אויסגעבן. טוט זי זיך אַ נעם אין די הענט אַרייַן, הייבט דווקא אויף דעם קאָפּ און גייט, נישט אָפּנייגנדיק, גלייַך אויף אים. ערשט כמעט פּנים־על־פּנים טוט זי זיך אַ קער אַוועק פון אים מיט אַן אומצופרידענעם וואָרטש, ווי פון אַ בייַזוויליקער שטערונג אויפן גלייַכן וועג, ס'הייסט: ס'גייט אַ זקנה, פאַר וואָס זאָל איר אַ יונגער הער נישט אָפּטרעטן דעם וועג!

דאָס בייזע געשפּענסט איז שוין הינטער די פּלייצעס! אַ דאַנק דיר, גאָט!

— האַ — אַלט! יודין? — טוט זיך איר אַ בייַס אייַן אין האַלדז און נאַקן אַ הינטישער פּיסק.

נאָר וואָס האָט מאַריאַ איוויצקאַ, אַ זקנה, אַ פּאָליאַטשקע, אַ קאַטאָליטשקע, זיך אָפּשטעלן אויף אַ פרעמד שפּראַכיקן רוף הינטער די פּלייצעס, וואָס זייַן זין איז איר נישט באַקאַנט, און וואָס איז זיכער, נישט צו איר געווענדט?...

און זי גייט זיך געלאַסן, ווי נישט איר מיינט מען, ווייַטער און קומט בשלום אַרייַן אין וואָקזאַל.

בייַם פענסטערל, וווּ זי וויל בעטן אַ בילעט, וואַקסט אויס דער זעלבער פאַרשוין ... און אפשר איז דאָס אַ צווייטער, ווייַל אַלע האָבן זיי איין חיהשע צורה. ער פאָדערט אַ קענקאַרטע. זי נעמט אַראָפּ דאָס שוואַרצע טיכל פונעם ווייַסן שטרוי־קוישל וווּ עס ליגט דער פּאַספּאָרט. ער דערזעט אַ תפילה־בוך, אַ „רויזנקראַנץ" און — עטוואָס פאָרדעכטיקס — אַ רוסיש ביכל אָן די פאָדערשטע בלעטלעך...

וואָס איז דאָס? — ווייַזט ער אָן אויף דעם און שרפהט עס מיט שינאהדיקע אויגן.

מאַריאַ איוויצקאַ קוקט אויף אים מיט גרויסע־גרויסע, נאָר גאָרנישט פאַרשטייענדיקע אויגן. פון וואַנען זאָל זי, אַ פּאָליאַטשקע, פאַרשטיין דייַטש?... שטעכט ער מיט אַ גראָבן פינגער אין ביכל אַרייַן און חזרט איבער די פראַגע מיט דערקלערנדיקע באַוועגונגען פון שטום־לשון מיט געשרייַ און זידלערייַ.

— אַהאַ!... שאָקלט זי ענדלעך מיטן זקנישן קעפּל, ס'הייסט — זי פאַרשטייט שוין. און זי ענטפערט אים אויף פּויליש.

ערשט פלאַקערט ער נאָך שטאַרקער אויף פון רציחה. ער פאַרשטייט זי נישט; ער פאַרשטייט נישט איר הינטישער שפּראַך! זוכט זי מיט די אויגן אַרום זיך, ווי אַ פאַרלוירענע, אַן עצה. ווי זשע גיט מען עס אים צו פאַרשטיין? און — זי טוט מיט אינעווייניקסטן ווייטיק און אויסערלעך אָן רחמנות אַרים אַ בלאַט פונעם ביכל מאַכנדיק מיט דעם אַ נישט־באַקוועמע און מיאוסע באַוועגונג הינטער זיך... זי האָט געטראָפן אין פּינטל אַרייַן! די חיה צעהירזשעט זיך פון פאַרגעניגן. זי האָט באַנומען, די חיה, צו וואָס פאַר אַ צוועק די אַלטע פירט מיט זיך אַייַן שווייַנישעם בוך. די אַלטע איז נושא־חן אין זייַנע אויגן. נאָר באַלד איז ער ווידער דינסטלעך־ערנסט, אָפּוואַטנדיק די קענקאַרטע. בעת זייַן בליק טאַפּט אין קוישעלע: אַ פּאָר שוואַרצע סוכאַרעס, אַ צענדליק ריבלעך און אַ גאָלדענע ציבעלע. פון אונטער דעם אַלעמען באַקומט די אַלטע אַרויס דעם פּאַספּאָרט.

ער נעמט און לייענט אים מיטן בליק: — המם... זעכציק יאַרע... ער קוקט אויף דער פאָטאָגראַפיע און אויפן אָרגינאַל: ענלעך?... און דערלאַנגט איר דאָס פּאַפּירל צוריק לאַנגזאַם און מיט נישט אינגאַנצן אויסגעוועפּטן חשד.

פולשטענדיק באַרויִקט ער זיך ערשט דעמאָלט, ווען — אין זייַן בליק שימערט אַרייַן דאָס ווייַסע קרוציפיקסל אויף איר האַלדזגריבעלע.

דאַן שטעקט ער געלאַסן אַרייַן אַ לאַפּע אין קוישל, נעמט געלאַסן אַרויס אַ ריבל, שטעקט געלאַסן אַרייַן די צווייטע לאַפּע אין דער הויזן־קעשענע, פון וואַנען ער ציט אַרויס אַ קליין מעסערל מיט אַ שוואַרץ האַקנקרייַצל, עפנט עס און שיילט געלאַסן אָפּ דאָס ריבל, און נעמט עס נאָך געלאַסענער גריזשען. זייַן פּרצוף איז ערנסט־טעמפּ, ווי דאָס פּנים פון אַ רינד בעתן מעלה־גרהן.

מאַריאַ איוויצקאַ קערעוועט זיך פון אים אַוועק מיט אַ מינע פון פאַרדרוס צוליבן צוגערויבטן ריבל און ווינטשעוועט אים אויף פּויליש, ער זאָל עס צוריק אָפּגעבן מיט דער גרינער גאַל און מיט בלוט און אייטער. עמיץ פון דער ריי צעלאַכט זיך מיט הסכמה און פאַרגעניגן.

געקריגן דעם בילעט, ליגט אים מאַריאַ איוויצקאַ אַרייַן אין פּאַספּאָרט, פאַרשטופּט אים אונטער די ריבן, פאַרדעקט צוריק דאָס קוישל מיטן שוואַרצן טיכל און שלייַכט אַוועק פונעם אָרט, וואָס ברענט אירע טריט.

...ווי טויט־געפערלעך ס'איז די נסיעה, וואָס זי האָט אונטערגענומען! זי — נישט קיין זקנה פון זעכציק יאָר, נאָך אַ פרוי פון פינף און פערציק! נישט קיין קאַטויליש־פּוילישע פרוי, נאָר אַ ייִדישע טאָכטער! נישט מאַריאַ איוויצקאַ, נאָר כאַיעלע שייפער!...

גוטע גוטערמאַן (ישראל)

בײַם קבר פון י. ל. פרץ

ס'איז אַ וואַרשעווער טאָג, אַ טריבער, —
הינטער דײַן גרויער מצבה
איז אונטערגעגאַנגען די זון.
אַ קראַנץ פון ליליעס ווײַסע
פלאַטערט אין ווינטיקן פיבער.

צופוסנס דײַן קבר
פאַרלאָזן,
שטום,
אַ צעבראָכענע,
אויסגעשעפטע,
אַ געוועזענע שטאָט —
דאָס געטאָ —
אַ מידבר
מיט שטויב און ווינט פאַרפלאַנצט. —
דאָס אַלטע בית־עולם גראָד
איז געבליבן גאַנץ.

ס'איז אַ געטאָ־טאָג הײַנט, אַ טריבער:
אויפן הימל, דעם פלאַכן
שווימען וואָלקנס מיט ווילדע העוויות.
ווינטן שרײַען אויף זייערע שפּראַכן,
פראַוועז ווילדע לוויות. —
בײַ טאָג און בײַ נאַכט
האָט דאָ געפלאַקערט די שלאַכט.

האָסטו דאָך אוודאי געהערט:
מיט בלוט האָט געבליפּעט די ערד,
קוילנוואַרפער האָבן געשלוקעכצט
דעם שטאָלענעם דונער צום גראַם,
האָבן קינדער אָנשטאָט מילך מיט צוקער
געטרונקען פלאַם.

עס האָט אויך אַ מאָל געטראָפן:
(ווי אַזוי, ווייס דער וווּנדער אַליין)
ס'איז אַ קינד פון דעם פײַער אַנטלאָפן
צו דײַן מצבה־שטיין.
און אין גראָז אײַנגעטוליעט, אין ליים
דערגרייכט דײַן אַנטדרעמלטן אָרעם. —

האָסטו אויסגעציטערט אין חלום —
געהיים
מיטן שאָרך פון ספרים,
געדויש פון בלעטער
אַרײַנגעשווידערט אין געטאָ.

האָסט געטרייסט, געדראָט און געוואָרנט
אויף פלאַמיקע שטאַפלען געגלאַנצט. —
דעם שונא געפעלן נאָר אונדזערע קברים. —
דײַן קבר איז געבליבן גאַנץ.

ס'איז אַ וואַרשעווער טאָג, אַ טריבער. —
פון מערב־זײַט ווייעט אַ קעלט.
איבער חורבות, טיפע גריבער
וואַקלט זיך נאָך די וועלט.

פון מידבר קעגן איבער
פליִען קראָען מיט אַ פינצטער געשרײַ.
שטילע דעפּילאַדעס פון מצבות
מאַרשירן אין דער נאַכט אַרײַן.

בײַם ראַנד פון נײַע מעת־לעתן
עס רוישט אונדזער האַרץ און וואַכט:
מיר זאָלן נאָר נישט פאַרגעסן
די געשוואָלענע, שוואַרצע נאַכט. —

האָסטו דאָך געדראָט און געוואָרנט
אינעם אויפשטײַג פון אונדזער גלאַנץ. —
אויף דער בלוטיקער פאָן פון יאָרן
דײַן נאָמען געבליבן איז גאַנץ.

☆

דאס געזאַנג פון דענקמאל

אַ בלומען־גערויש
שטײַגט אַרויף
צו דעם שטיינערנעם טורעם.
אין ווינט אײַנגעהאָרכט,
פאַרטראַכט אין שטורעם,
דער שטויב אויף די שטיוול איז געל
און גרינער גראַניט — דער שינעל,
רו אין געזיכט,
אויפן שטערן — ליכט.

ווער זאָגט עס אַז אַ שטיין איז שטום ?
ווער זאָגט אַז אַ שטיין איז אָן קלאַנג ?
דרײַ מאָל
גיי אַרום און אַרום
דעם דענקמאָל,
דעם שווערן,
קוק זיך אײַן :
אין די גלידער פון בלײַ
אין דעם פליסיקן שניי אויף די קעלנער -
וועסטו הערן
דאָס שטילע געזאַנג.
דאָס שטילע געזאַנג פון די זעלנער,
די זעלנער מיט אַנטשלאָפענע ברעמען :

אונדזערע נעמען —
מורמלען זיי —
זענען אײַנגעקריצט
אין דעם בליץ
פון פלי־ראַקעטעס.
רויך
און צאָרן
זענען אונדזערע קערפערס.
מיר זענען פאַרגליווערט געוואָרן
אין לויף
אויף בראָנדז,
אויף שטיין.
אין אונדזער פאַרשטאַרטקייט
ציטערט דער זיג
פון גאַנג.
אין אײַנגעשפאַרטקייט,
דראַנג.

אָן פײַער,
אָן האַס,
אָטעמען זיי
אויף פײַער גאַס
פון וואַרשע.
אַרום זייערע פוסטריט
פלאַקערט דער ריטם
פון מאַרשן.
אין זייערע אויגן
לעשט זיך די זון
ווי אַ שריפה.

זינגט איינער :
— איך קום פון אַ פעסטונג אַרויס
מיט דערשיטערטע ביינער.
מײַן פאָלק איז אַוועק פאָרויס.
— און איך בין געבליבן פאַרשטיינערט
אויפן פאָסטן לעבן אַ הויז.
— און איך בין פון אונטער אַ טאַנק
אַפער ווי אַ פלאַם.
אַ פלאַם
וואָס צינדט זיך אָן
איין מאָל אין הונדערט יאָר.

— מיר האָבן געעפנט די טויערן
פון דאַכאַוער הויף.
די קינדער פאַרוויאַנעטע לאַנג
צוזאַמענגעקליבן.
איצט לאַכן שוין
קלינגעוודיק הויך
אין אונדזערע אויערן
די קינדער —
וואָס זײַנען פאַרבליבן.

אַ בלומען־גערויש
שטײַגט אַרויף
צו דעם שטיינערנעם טורעם.
איז ווינט איינגעהאָרכט,
פאַרטראַכט אין שטורעם,
דער שטויב אויף די שטיוול איז געל,
און גרינער גראַניט — דער שינעל,
רו אין געזיכט,
אויפן שטערן — ליכט.

פאַר נאַכט אין געטא

פאַר נאַכט אין געטאָ.
נייַנצנטער אַפּריל.
אַלע פאַרבן פון די וואַרשעווער גערטענער
זענען הייַנט דאָ אַהער
געשווומען.
אַלע רויזן
פון די פאַרביקע ערטער
זענען געקומען
אַ בלומענבאַרג
האָט אַהער פאַרקלעטערט.
ס'איז שטיל.
שאָפּענס טרויערמאַרש
פּייַפּט
אין די בלעטער.

דער אינטערנאַציאָנאַל
האָט אָפּגעקלונגען
אַנטקעגן דעם שטאָל
פון באַגנעטן.

פון די הענטשקעס
אויף די זעלנערס הענט
זענען בליצן אַראָפּגעשפּרונגען
ווי טויבן ווייַסע —
אַ טשאַד פון מנורות הייסע
שלאָגט
פון די דענקמאָל־ווענט.

האָבן מענטשן
בעתן לייגן די קרענץ
פאַרן דענקמאָל געקניט
זיך געבוקט
ווי צו הייליקע געטער.

נאָר די קעמפּער פון געטאָ
זענען גלייַכגילטיק, רויִק,
צו די סטענגעלעך כיבוד
די בעכערלעך גליק
וואָס זענען נייטיק דעם מענטש.

אין דער בריִענדיקער שטאָט פאַרקוקט
גליִען זיי אין קאַמף כסדר.
צעביסן פון פלאַמען,
צעפליקט
זענען זייערע קליידער.

אפילו דאָס קינד
אויפן האַלדז פון דער מאַמען
וואָס וואַקלט אין רויך
איז שטייַף
מיט דער קראַפט
פון אַן עדה.

און דער
וואָס האָט געבויגן דעם קאָפּ
פאַרן שטורעם —
ער וויינט נישט צוליב
זייַן פאַרשלאָסענעם אָרעם.
נישט דעם פאַרשווונדענעם ליכט
צוקט זייַן געזיכט.

אין דער וואַנדערונג
צווישן מאָרד,
זוכט ער אַן אָרט
צו באַשיצן דאָס לעבן
פון אַנדערע.

ס'איז אָוונט אויף דער וועלט.
און הייַזער שטייען אָפּן
מיט בלומען פאַר די שוועלן.
און קינדערלעך טרעטן אַריבער
חלומות זיסע.

עס קאָן שוין דער מענטש
צו אַ פאַרביקן טרוים
זיך דערהויבן.

פאַר נאַכט — אין געטאָ.
דער דענקמאָל בענטשט
די פליִענדיקע רו
פון טויבן.

וואַרשע 1950.

שלום אַש

טריומפמאַרש

ענדלעך, ענדלעך, ענדלעך... נאָך אַזוי פיל יאָרן פון גוססדיקן פּײַן, פון דערשטיקטן צער און צאָרן, איז די פּאַרמוטשעטע באַפעלקערונג פון דער מאַרטירער־שטאָט וואַרשע אַרויסגעקראָכן פון די לעבעדיקע קברים צו באַגריסן אירע דערלייזער, אירע רעטער.

די רויטע אַרמיי, צוזאַמען מיט דער פּוילישער באַפרייונגס־אַרמיי, צוזאַמען מיט אונטערערדישע העלדן פון אַלע שיכטן און ריכטונגען, האָבן אין אַ טריומפמאַרש אַרײַנמאַרשירט פון מאָסקאָוועו זײַט, פון דער ווײַסל — איבער דער ברייטער גרין־ביימערדיקער אויאַזדאָווסקער אַלייע — דורך קראַקאָווסקע פּשעדמיעשטשע — אין האַרץ פון וואַרשע.

אַלע קירכנגלאָקן האָבן געקלונגען. וואָס האָבן זיי געקלונגען? זיי האָבן אויסגעקלונגען שאָפּענס לוויה־מאַרש — צום אָנדענק פון אַלע טויטע און געפּײַניקטע. אויך די מיליטער־מוזיקאַנטן האָבן געשפּילט שאָפּענס לוויה־מאַרש. וואָרעם אין דעם טאָג פון דער העכסטער פרייד האָט וואַרשע ניט געקאָנט פאַרגעסן, האָבן די זיגרײַכע אַרמייען — די גלאָררײַכע רויטע אַרמיי, די פּוילישע אונטערגרונט־אַרמיי, די פּוילישע באַפרײַונגס־אַרמיי — נישט געקאָנט פאַרגעסן אין זייערע געפאַלענע חברים, אין די פּאַרמוטשעטע מאַרטירער, אין דעם גרויסן קרבן, וואָס וואַרשע האָט געבראַכט, און מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ האָבן די באַפרײַער אַרײַנמאַרשירט אין דער פאַרפּײַניקטער שטאָט אונטער די קלאַנגען פון שאָפּענס טרויערמאַרש.

צו קיין שטאָט פּאַסט זיך נישט אַזוי שאָפּענס טרויער־מאַרש ווי דווקא צו וואַרשע, דווקא צום טייל שטאָט, וווּ די אַרמייען מאַרשירן איצט. דער טרויערמאַרש ווערט פאַרוואַנדלט פון אַ לוויה־מאַרש אין אַ געזאַנג פון דערלייזונג, פון הויכן רעליגיעזן עקסטאַז. עס דורכט זיך, אַז די גאַסן פון וואַרשע זינגען מיט, טרויערן מיט, דאַווענען צום קלאַנג פון די קירכן־גלאָקן, צום שאַלן פון די טראָמפּייטן און דעם קלאַפּן פון די צימבלען.

צו די קלאַנגען פון שאָפּענס טרויערמאַרש איז נאָך אַ טייל באַפעלקערונג אַרויסגעקומען צו באַגריסן די אַרײַנמאַרשירנדיקע זיגערישע אַרמייען, אַ טייל באַפעלקערונג, וואָס מען האָט שוין לאַנג נישט געהאַט געזען אויף די וואַרשעווער גאַסן. דאָך איז עס אַ היימישע באַפעלקערונג, דאָ געלעבט, דערצויגן, גרויס געוואָרן פאַר הונדערטער און הונדערטער יאָרן — די ייִדישע באַפעלקערונג, וואָס איז נישט אַוועקצונעמען און נישט אָפּצוטיילן פון וואַרשעווער לעבן. די ייִדן זענען אַרויסגעקומען — נישט פון די נאַלעווקעס, נישט פון דער קראָכמאַלנע, נישט פון טוואַרדע, גזשיבאָוו, נאָוואָליפּיע, לעשנע, נישט פון צענדליקער אַנדערע ייִדישע גאַסן אין וואַרשע. זיי זענען געקומען פון ערגעץ־ווּ צו שוועבן, זיי גייען און שוועבן אין דער לופטן, ווי ספערן. מען זעט זיי אָן — און דאָך זעט מען זיי נישט. זיי זענען דאָ, זיי פילן אויס דעם חלל פון די וואַרשעווער גאַסן, זיי גייען אַנטקעגן די אַרײַנמאַרשירנדיקע אַרמייען, קומען צושטראָמען פון אַלע זײַטיקע גאַסן, קומען אָן פון פּראַגע, קומען דורך דער יערוזאַלימסקער אַלייע און דורך זלאָטע און אַנדערע גאַסן; זיי קומען אָן פון מאַרשאַלקאָווסקע און פון אַלטנמאַרק און פון פּראַנציסקאַנער און פון די נאַלעווקעס — אַנטקעגן די אַרײַנמאַרשירנדיקע אַרמייען.

עס דוכט זיך, אַז נאָר פון זייערט וועגן און צוליב זיי קלינגען עס אַלע קירכנגלאָקן און עס ענטפערן זיי אָפּ די מיליטערישע קאַפּעליעס. און צום טאַקט פון דעם טרויערמאַרש קומען זיי אָן.

צו ערשט גייען הונדערט און זיבעציק בתולות, יונגע מיידלעך, פון צען ביז אַכצן יאָר אַלט די ייִנגערע פּאָרויס, די עלטערע נאָך זיי, אין באַגלייטונג פון זייערע אויפזעערינס און לערערינס. אַלע זענען זיי אָנגעטאָן אין ווײַסע קליידער, נאָר ווי עס פּאַסט זיך פאַר כלות, זענען זייערע פּנימער פאַרהאָנגען מיט שוואַרצע שלייערן. זיי האַלטן אַלע אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט. זיי גייען מיט שוועבנדיקע טריט, גלײַך זייערע פיס וואָלטן נישט באַרירט דעם ברוקירשטיין, נאָר ווי ספערן פליִען זיי און קומען נענטער, און נענטער, ביז זיי הייבן זיך אין דער הייך און פאַרשווינדן אין שײַנענדיקן חלל, מיט בלישטשענדיקע שטראַלן פון דער זון...

נאָך זיי גייט איינער אַליין — ד"ר קאָרטשאַק. ער איז פאַר דער צײַט וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען, העכער געוואָרן מיט פיל פיל קעפּ, העכער געוואָרן און דאַרער און דינער. זײַן פּנים שטראַלט מיט אַ הימלישער פרייִדיקייט, וואָס איז אין־לשער. אויף זײַנע בײדע הענט האַלט ער צוויי קליינע קינדער, ייִדישע קינדער, מיט געקרײַזלטע פּיאהלעך און זײַדענע קאַפּעלעך אויף די קעפּ און ברייטע אַרבע־כנפותלעך אויף די רויט־בלויע שפּענצער, וואָס די מאַמעס האָבן זיי אָנגעטאָן פאַר דער געלעגנהייט. און זעט, די וואַרשעווער באַפעלקערונג מאַכט נישט קיין חוזק, שפּאָט נישט אָפּ פון די ייִדישע פּנימלעך, פון די געקרײַזלטע פּיאהלעך, פון די אַרבע־כנפותן. די וואַרשעווער באַפעלקערונג פאַלט אויף די קני בײַ די טראָטואַרן, ווען ד"ר קאָרטשאַק, גייט פאַרבײַ מיט די צוויי ייִדישע קינדער אויף זײַנע הענט; און נאָך אים — אַ לאַנגע ריי יתומימלעך, וואָס ער האָט אַרויסגעפירט פון זײַן אַנשטאַלט.

און נאָך ד"ר קאָרטשאַקן גייען אַנדערע קינדער. עס גייען די קינדער פון מעדעם סאַנאַטאָריע באַגלייט פון זייערע לערערס און

אויפזעער, אָנגעקומען פון די קאַלבאַויוונס, ווּ מען האָט זיי פאַרברענט. קוקט אויף זייערע פנימלעך: די פנימלעך זענען געל, די בעקלעך רויט. איך וועל אײַך אײַנרוימען אַ סוד: זיי זענען אַלע קראַנק אויף שווינדזוכט. דערפאַר, זעט ווי עס פלעמלען זייערע שוואַרצע אייגעלעך, פשוט ווי שטערנדלעך, ווי בלויע טונקעלע שטערנדלעך אין טיפן־טיפן הימל אין אַ טינטשוואַרצן הימל. טייל פון זיי טראָגן קאַפעלעך און האָבן אויך געקרײַזלטע פיאהלעך — און פון אונטער די שפענצער באַמבלען זיך די ציצית. נאָר די מערסטע פון זיי זענען שוין „הײַנטוועלטיקע“, טראָגן די ייִדישע היטעלעך מיט דאַשיקלעך. זעט זייערע הענטלעך — דינינקע, דינינקע. זיי האַלטן פענדלעך אין די הענט, רויטע פענדלעך, און אַלדאָס גוטס אויף זיי אָנגעשריבן, וואָס פאַר אַ וועלט דאָס וועט זײַן, ווען משיח וועט קומען — איך מיין, די סאָציאַלע רעוואָלוציע. און מיט הייזעריקע קולכלעך, אויס סוכאָטנע אײַנגעפאַלענע בריסטן זינגען זיי, אין איינעם מיט זייערע לערערס, די „שבועה“, די שבועה, וואָס זיי האָבן געשוואוירן, בעת מען האָט זיי אין טויט אַרײַנגעטריבן, צו די גאַזאַויוונס, ווּ זיי זענען נעבעך דערשטיקט געוואָרן.

און פון די קברים זענען אויך אַרויסגעקומען זייערע עלטערן, טאַטע־מאַמעשי פון דער פראַנציסקאַנער, ווּ די אָרעמקייט צום טיפסטן שטעקט. שטייען טאַטע־מאַמע, וואַרשעווער חסידים, וואַרשעווער טרעגער, אָפגעבליאַקעוועטע מוטערס מיט אויסגעקראָכענע שייטלען, און זיי פרײַען זיך מיט זייערע קינדער, ווי איך האָב זיי אַ מאָל געזען בײַ דער אָטוואָצקער באַן אָפוואַרטן זייערע קינדער, ווען זיי זענען פון „וואַקאַציע“ צוריקגעקומען.

און נאָך זיי קומען, מחנות קינדער, קינדער פון גוטע הײַזער, מיט פאַנטאָפעלעך און זײַדענע מענטעלעך, מיט סטענגעלעך אײַנגעפלאָכטן אין די צעפעלעך, קינדער אין זײַדענע זשופיצעס און זײַדענע רעקלעך, נאָך זיי קינדער אָפגעריסענע־אָפגעשליסענע, אין טאַטע־מאַמעס צו גרויסע שיך אויף די שמוציקע פיסלעך. נאָר אַלע קינדער האָבן שוין געהאַט פליגעלעך. פליגעלעך זענען געוועזן אויסגעוואַקסן בײַ זיי„ גלויבט מיר אויפן וואָרט, און מיט די פליגעלעך זענען זיי געקומען צו פליִען פון ערגעץ־ווּ, פון דער ווײַט, צו באַגריסן די אַרײַנמאַרשירנדיקע באַפרײַונגס־אַרמייען. און אָט אַ הייב, זיי זענען שוין נישטאָ. פשוט אַזוי, ווי עס זאָגט זיך אין ביאַליקס ליד וועגן משהלעך און שלמהלעך.

און נאָך די קינדערלעך גייט אַ בכבודיקע דעפוטאַציע פון די סאַמע אָנגעזעענסטע רבנים פון פוילן, מיט די דיינים פון וואַרשע אין שפיץ. וועמען האָט מען דאָרט נישט געזען? דאָס ביסל תורה פון פוילן, אַלץ וואָס פוילן האָט געהאַט צו געבן, האָט זיך דאָרט געפונען. תורה ווי דאָס וואַסער פון ים; גאוני־הדור, חריפים, עוקרי־הרים, וואָס זייערע נעמען האָבן געקלונגען איבער דער מדינה ווײַט און ברייט; ראשי־ישיבה פון די גרעסטע פוילישע ישיבות, מורי־דאתרא׳ס פון די אָנגעזעענסטע שטעט. און הײַנט די חסידישע רביים, דרײַ אָטוואָצקער מיט דעם הויכן, דאַרן רבין פון דער זרע פון דעם „יד הקדוש“. באַגלייט פון זייערע מקורבים, גבאים, שמשים, אייניקלעך און איידעמס, גייט די הייליקע כנופיע צוזאַמען און איז טאַקע דאָ אויפן אָרט זיך מפלפל אין לערנען, וואָרעם קיינער האָט נאָך נישט געזען אַזאַ פאַרזאַמלונג קיין עין־הרע, פון גאוני־הדור. טייל פון זיי זענען געגאַנגען די טלית און תפילין, מיט סדורים און ספרים אונטער די אָרעמס; טייל זענען געגאַנגען בדחילו־ורחימו, מיט דערפאָלג און ליבשאַפט, אַזוי ווי זיי זענען נפטר געוואָרן. מען האָט אָנגעזען אויף זייערע פנימער די גרויסע כוונה אָנצוהעפטן זיך אָן דער „שכינתא דקודשא ברוך הוא“. אַנדערע זענען געגאַנגען און זייערע קעפ זענען געווען אין הימל זייערע אויגן פאַרמאַכט; זייערע הענט אויפגעהויבן, אינגאַנצן אויפגעגאַנגען אין „אחד“. אויף פיל פנימער איז פשוט געווען אויסגעגאָסן דער זיו־השכינה (דער שײַן פון דער שכינה). מען האָט אָנגעזען אין זייערע פינקלדיקע אויגן דאָס ליכט, וואָס זיי האָבן דערזען בשעת זיי האָבן געאײַנציקט דעם רבונו של עולם בײַ יציאת נשמה. זייערע אויגן האָבן געשײַנט און געלויכטן פון לויטער פרייד ווי בײַ דעם אָנבליק פון דער שכינה, וואָס האָט זיך באַוויזן צו זיי אין שוואַרצע שלייערן איידער זיי האָבן די אויגן פאַרמאַכט, ממש ווי די בתולות, וואָס גייען פאָרויס.

און ווּנדער איבער ווּנדער... זע„ די וואַרשעווער באַפעלקערונג מאַכט נישט קיין חוזק פון זיי, מאַכט נישט קיין חזיר־אויער פון דער פאָלע פון ראָק, שרײַט נישט נאָך „זשידזשי פאַרכי — דאָ פאַלעסטיני“, רופט נישט נאָך „ביילים“, נאָר פון קליין ביז גרויס פאַלן זיי אַלע אויף די קני, גראָבן אײַן די פנימער אויף די בריסטן, הייבן די הענט צום הימל; פון טייל קולות רײַסט זיך אַ כליפ אַ געוויין; אַנדערע צלמען זיך, נאָך אַנדערע שטרעקן אויס די הענט צו די רבנים און בעטן זיך: „אָ, זגאָטליווע ראַביני, זײַט אונדז מוחל פאַר די חרפות און בושות, פאַר דער פאַרשעמטקייט און פאַר די עוולות, וואָס מיר זענען באַגאַנגען קעגן אײַך. מיר האָבן נישט געווּסט ווי אײַך צו שעצן“.

און נאָך די רבנים גייען די העברעיִשע סופרים און געלערנטע, די ייִדישע דיכטער, קינסטלער, זשורנאַליסטן, שרײַבער־מיטאַרבעטער פון די גרויסע ייִדישע צײַטונגען, די פראָפעסאָרן פון ייִדישן אינסטיטוט בײַ דער טלאָמאַצקער שיל, די לערער פון די העברעיִשע גימנאַזיעס, די לערער פון די ייִדישע שולן, די גאַנצע אינטעליגענץ פון וואַרשע.

ווער איז דאָרט נישטאָ צווישן זיי?

אין שפיץ פון דעם אָנגעזעענעם קאָמיטעט, וואָס צווישן זיי געפינען זיך די פני פון דער וואַרשעווער אינטעליגענץ, גייט דער „ארי שבחבורה“, דער „קדוש וטהור“, ר׳ הלל צײַטלין, דער גײַסטיקער מנהיג פון פרומען פוילישן ייִדנטום, וואָס איז לויטער גײַסט און וואָס זײַן רעליגיעזער השפעה אויף דער יוגנט איז געווען מעכטיק. שוין זײַן דרויסנדיקער אויסזען איז ווי פון אַ נביא: זײַנע רויט־ווײַסע שטייענדיקע האָר אויפן קאָפ, זײַן הדרת־פנימדיקע רויטע באָרד און זײַנע אייביק־פאַרחלומטע, אייביק־גלאַנציקע גרויסע אויגן, וואָס עס דוכט זיך, אַז זיי זעען פאַרהוילענע וועלטן. אַ הייליק פײַער ברענט אין זײַנע גלידער — „כל עצמותי תאמרנה“... אַזוי האָב איך אים געזען דאָס לעצטע מאָל.

ער גייט מיט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט, רעדט עפעס צו זײַנע חברים — און אַלע האָרכן זיך אײַן צו אים. ער ברענגט אַ פאַרהוילטן מדרש, פול מיט רמזים, אַ שטעל פון „זוהר“, אָדער פון אַן אַנדער קבלה־ספר, וואָס ער פאַסט צו אויף דער הײַנטיקער צײַט.

נאָך אים באַלד גייט דער שטילער בנעימותדיקער אייראָפעיִש־געבילדעטער גרויסער געלערנטער, פראָפעסאָר באַלאַבאַן. זײַנע מאָנומענטאַלע געשיכטלעכע ווערק וועגן לעמבערג, וועגן קראָקע, זײַן „פראַנק און די פראַנקיסטן“, זײַנע הונדערטער עסייען איבער ייִדישער געשיכטע האָבן אים געמאַכט פאַר דעם באַדײַטנדיקסטן היסטאָריקער פון פוילישן ייִדנטום. מיט אים פירט אַן אייביקע דיסקוסיע אונדזער אייגענער ליבער ד״ר שיפער. — ד״ר שיפער, וואָס באַדאַרפט איר זיך מישן אין פאָליטיק? איז זענט אַ געלערנטער,

דער פאַרשער פון ייִדישן עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן. איר זענט אַ קולטור־טרעגער, לאָזט גרינבוימען פירן דאָס רעדל אין קאָלאָ — אָ, ד״ר שיפּער, ווי בענק איך נאָך אײַך!

גאָר אָן אַ זײַט, ווי פאַר זיך פאַרטראַכט, גייט פּראָפעסאָר שטיין, דער באַשיידענער צניעותדיקער געלערנטער פון ייִדישן אינסטיטוט, חברים, וואָס קענען און ווייסן אַ העלפט, וואָס ער, ווײגן דער אַלט־גריכישער ליטעראַטור, שמען אין דער וועלט. און אָט־דאָס דינע, קליינע מענטשל האָט אָנגעשריבן די בעסטע מאָנאָגראַפיע וועגן דעם גריכישן פילאָזאָף פילאָ אין העברעיִש, די בעסטע, וואָס עס געפינט זיך אין אַלע לשונות.

און הײַנט די ייִנגערע, די אייגענע חברים, דיכטער, שרײַבער, ברידער פון דער פען, גאַנץ טלאָמאַצקע, מיט חבר קאַווע אין שפּיץ. אָ, טייערע און געליבטע ברידער, וואָלט איך געווען דאָרט, וואָלט איך זיך מיט אײַך געפונען. און הײַנט געפין איך זיך אויך צווישן אײַך. איך גיי מיט אײַך, צווישן איך, מקבל־פּנים זײַן די אַרײַנמאַרשירנדיקע באַפרײַונגס־אַרמייען.

ברידער־חברים, היטלער איז טויט. מיר טאַנצן אויף זײַן קבר, ווי איציק פעפער זינגט. יאָ, מען מעג שוין, מען מעג שוין, ברידער־חברים, פעפער איז אָן אונדזעריקער. קומט, לאָמיר זיך אַלע געבן די הענט! חברים זענען מיר אַלע, מיר געהערן צו איין פּאָליצע ביכער. ווער עס וועט אונדז אַרײַננעמען, ווער עס וועט אונדז אַרויסוואַרפן — זיי זענען אַלע געשטאָרבן מיט אײַך און מיר אַלע לעבן מיט אײַך אין ייִדישן גײַסט, אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

און ווײַטער גייט די וואַרשעווער ייִדישע באַפעלקערונג. זעט זיי, קוקט זיי אָן: די פּני, די אַריסטאָקראַטיע, די סוחרים פון נאַלעווקעס, פון גענשע, דאַווענער פון טלאָמאַצקער שיל און ציליגדערס פון „משהס גלויבן״, וואָס דרשנען פּויליש אין יום־כּפּור אַרײַן, ביז די ציוניסטן פון נאָזשיקס שיל, סוחרים, באַנקירן, וועקסל־אויסטוישער, עקספּעדיטאָרס, אײַזנהענדלער, זעט זיי „חצי שכי, חצי שלך״, האַלב צו גאָט, האַלב צו מענטש. מען האַלט אויס אַ „הצפירה״, מען קויפט אַ שקל, מען שטיצט אַ חדר מתוקן, דעם אייגענעם זון אָבער שיקט מען אין פּוילישער גימנאַזיע — צוליב „פּראַוועס״, די טאָכטער — אין אַ פּוילישער שול. נאָר נישט קריטיקירן. אַלץ איז פאַרבײַ. איצט גייען מיר די רויטע אַרמיי מקבל־פּנים זײַן, דעם גרויסן חשבון מיט היטלערן מאַכן. אַלע זיצן מיר בײַם טיש. קומט אַהער ייִדן־אַסימילאַטאָרן, ייִדן־ציוניסטן, ייִדן בכלל, גלאַט אַזוי, און מאַכט פּלאַץ, „פּנו דרך״: דער „בונד״ קומט צוגיין, דער עלטערער און דער „ייִנגערער״, קאַמאַשנשטעפער מיט שטעקעלעך אין די הענט, מיט גומענע קראַגעלעך, טריקאָטן־וועבער מיט אײַנגעפאַלענע בריסטן, מיט נעז און העלדזער פאַרלייגט פון דער פײַכקייט פון די קעלערשטיבער. און הײַנט סוביעקטן, סוביעקטן, סוביעקטן אָן אַ שיעור: בוכהאַלטערס מיט ווײַסע קראַגעלעך — פאַר צוויי הונדערט זלאָטעס אַ חודש אַ שוויגער מיט אַ קראַנקער מאַמע אויסצוהאַלטן; דערצו גיט מען אָפּ פאַר אַלערליי נויטן — פון דער אייגענער פּאַרטיי ביז דעם אויסהאַלט פון דער ייִדישער גמינע. הונגער בײַ טאָג, קעלט בײַ נאַכט, לעבט מען מיט דער איין־איינציקער האָפענונג, מיט דעם „אידעאַל״, וואָס די פּאַרטיי גיט. קריגט זיך נישט, איך בעט אײַך, מיט אײַערע ברידער פון דער פּועלי־ציוניסטישער פּאַרטיי, זעט, זיי קומען אויך אָן, פּועלי־ציוניסטן פון אַלע ריכטונגען, פון „השומר הצעיר״ ביז זרובבלס לינקע, פון פּועלי־ציון די פרומע ביז צו די „קאַזשיאָננע״, וואָס שטייען אונטער דער גרינבוים־שיפּער השפּעה. קריגט זיך נישט מיט אָן אַנדער, איך בעט אײַך, הײַנט לאָזט אָפּ, הײַנט איז „הרת עולם״, הײַנט גייען מיר אַלע צוזאַמען . . . און זעט, בײַ אונדז אַלעמען זענען דאָך שוין פליגלען אויסגעוואַקסן. מיר האָבן דאָך שוין דאָס אונדזעריקע אויסגעפירט. האָבן מיר נישט געקאָנט אויף איין ערד זײַן, געפינען מיר זיך אַלע צוזאַמען אין הימל. ווי עס זאָל נישט זײַן, אין איין קאַלכאויוון האָבן מיר זיך אַלע געברענט, היטלער האָט אונדז אַלע אין פײַער־אויוון געוואָרפן, די ייִדישע געשיכטע האָט אונדז אַלעמען אין די הימלען אויפגעהויבן.

איצט ערשט קומט „אַמכאָ״, דער „המון־העם״. און ווער איז דאָ נישטאָ? שוואַרץ זענען די גאַסן, ווי איין גרויסער ים מיט קעפּ און הענט. זעט די קעפּ: מיט חסידישע שטרײַמלעך, סאַמעטענע היטעלעך, קליינע דאַשעקלעך, קאַפּעליושלעך און בלויזע האָר פון די מאָדערנע נײַע, פון די וועגעטאַריאַנער, וואָס גלויבן אין נאַטור. זעט, זעט, ווער עס איז דאָ נישטאָ — גאַנץ וואַרשע. חסידישע היטלען, פּונקט ווי אויף דעם ווינער באַנהויף בשעת דער גערער רבי פאָרט אין באָד; קאַפּעליושלעך און נאַקעטע קעפּ, פּונקט ווי אויף אַ בונדיסטישער מאַניפעסטאַציע דעם 1טן מײַ. פון די טרעגערס אויף קראָכמאַלנע און פאַרן גזשיבאָוו, מיט שטריק אויף די פּלייצעס, מיט ציין, אויסגעהאַקטע אין געשלעגן, מיט קללות אויף די ליפּן: „איך וועל היטלערן די בעבעכעס אויפטרענען, וועל זײַנע אָדערן טרייבערן״ — ביז צום צוריקגעהאַלטענעם פרומען ייִדן, דעם סאָכאַטשעווער חסיד אויף די פאַרקרימטע ליפּן אין דער גרויסער באָד; שטייט בדחילו־ורחימו ווי אין רבינס הויף און שאָקלט זיך. אַלע זענען דאָ.

און הײַנט די ווײַבער. קוקט זיי אָן. פון שטערן־טיכלעך מיט פליטער־פעדערן פון אַלטע צײַטן ביז צו אייגענע האָר; פון חסידישע הויבן מיט אַטלאַס־בענדלעך ביז צו בערעט־היטעלעך אַ לאַ פּאַריז. ווײַבער פון דער חברה „שומרי שבת״, וואָס גייען איבער די הויפן אַרום זאַמלען חלות אײַנצוטיילן פאַר אָרעמע לײַט, ביז צו די אַריסטאָקראַטקעס פון דער „דאָבראָטליוואָשטש״ — „טאָוואַזשיסטוואָ דליאַ סטאַרע זאַקאָנניך״. טייל פון זיי האַלטן קינדער אויף די הענט, די אָרעמע בײַ די בריסטן — דו פאַרשטייסט, דער גראָבער המון — אַנדערע אויפן אויער געזאָגט, קינדער אין די בײַכער. אַלע זענען זיי דאָ, אַלע זענען זיי געקומען, האָבן אָנגעפילט די גאַסן, אָנגעפילט געדיכט, אָנגעפּראָפּט, אַז עס דוכט זיך, אַ שפּילקע איז נישט צו וואַרפן צווישן זיי.

צום סאַמע לעצט איז אָנגעקומען אַ קאָלאָנע אין גלײַכע דיסציפּלינירטע רייען. ווי מיליטער־לײַט האָבן זיי פאַראַדירט — אָן אוניפאָרמען, האַלב־נאַקעט, די לײַבער באַדעקט מיט וווּנדן. האַלט אין דעם אָטעם, שטייט שטיל, די קעפּ אַראָפּגעבויגן, טיף פאַרנייגט צו דער ערד, פאַר די העלדן־קדושים, וואָס מאַרשירן איצט פאַרבײַ. גענעראַל קלעפּפיש פאָרויס פאַר זיי — אַ לאָך אין האַרץ פון אַ דײַטשער קויל אָנשטאָט אַ מעדאַל טראָגט ער מיט צניעותדיקן שטאָלץ, פאַרגליווערט ווי אַ רענדל פון בלוט. — אין דער האַנט אַ רעוואָלווער, אַזוי פירט ער דעם מאַרש. רעכטס און לינקס גייען מיט מיט אים צוויי גענעראַל־אַדיוטאַנטן — שלמהלע דער שומר־הצעיר און איציק רויטער דער באָלשעוויק. איך האָב זיי ביידן געקענט. ווי קלעפּפיש, דער בונדיסט, זענען שלמהלע און איציק געווען נישט קיין פּראָלעטאַריער, נאָר „טאַטנס זין״. איך וועל זייער יחוס אויסרעכנען אָן אַנדערש מאָל. איצט לאָזט מיר דערציילן וועגן דעם פאַראַד, וואָס זיי פירן אָן.

פאָרויס פאַר זיי די פאָן, וואָס האָט געפלאַטערט פון דעם ברענענדיקן דאַך ביז דער לעצטער מינוט אין בלוי און ווייס. געלע־

בערט פון קוילן, צעריסן אין פאַסן, באַפלעקט מיט בלוט, פלאַטערט זי איצט מיט כבוד און גלאָריע, קיין שונאס האַנט האָט זי נישט מטמא געווען. ביז צו דער לעצטער מינוט, ביז צום לעצטן אָטעם האָט זי פון פייַערדיקן דאַך געפלאַטערט. און ווען דער דייַטש האָט צו איר דערגרייַכט, האָט יעקל דער קאַמאַשניק, פון קליינעם בונד אַ יאַט, געגעבן זי אַ כאַפ, צו זייַן פאַרבלוטיקטער ברוסט אַ דריק — און איז מיט איר צוזאַמען אין פייַער געשפרונגען. די פאָן און זיך געבראַכט אומבאַפלעקט פאַרן „כסא־הכבוד" אַליין.

איצט פירט ער זי. יעקל דער קאַמאַשניק, פון „קליינעם בונד" אַ יאַט, דער בויך ביי אים געעפנט פון אַ דייַטשער קאַנאָנען־קויל, דער קאָפ אין באַנדאַזשן. פון ביידע זייַטן — כבוד־באַגלייטער פון דער פאָן — נעכאָמע די חלוצטע און באָרענשטיין דער קאָמוניסט.

נעכאָמע די חלוצטע האָט עס געהאַלטן אין איין מונטערן: „עם ישראל חי", בשעת אַמוניציע האָט זיך אויסגעלאָזט און חברים, געבאָדן אין קאַלוזשעס בלוט, זענען געלעגן פאַרשפרייט אַרום — און איר „עם ישראל חי" האָט מחיה־מתים געווען.

באָרענשטיין, מיטן פאַרטיי־נאָמען „וויכער", דער דאַרער, בלייכער, אויסגעטריקנטער יונגערמאַן, האָט ווי אַ שטורעם זיך געטראָגן דורך די דייַטשע רייען. אַ „רואה ואינו נראה" געווען די גאַנצע צייַט, האָט געשלייַכט זיך ווי אַ שאָטן דורך די טויערן און רעוואָלווערן און קוילן געשמוגלט אין געטאָ אַרייַן. איין מאָל אָבער האָבן אים די דייַטשן געכאַפט און פשוט פון זייַן לייַב אַ זיפ געמאַכט. איצט האָט ער אַלע זייַנע וווּנדן צוזאַמענגעבונדן — און מיט דעם שמייכל פון זיג גייט ער באַשיידן ביי דער זייַט פון דער פאָן, צוהינקענדיק אויף אַ פוס. אַלע וווּנדן, אַלע לעכער, וואָס דייַטשע מעסערס האָבן געשניטן זייַן לייַב, צוזאַמענגעלאַטעט, נאָר דאָס קרומע פיסל, באַקומען אין פוילישן קאָנצענטראַציע־לאַגער ווי אַ „ייִד־באָלשעוויק", האָט ער פאַר זכרון זיך איבערגעלאָזט...

אַזוי פאַראייניקט, ציוניסט, בונדיסט, קאָמוניסט, אַרום דער ייִדישער פאָן אין דער שלאַכט פון דער געטאָ, מאַרשירן זיי איצט פון די בלעטער פון דער ייִדישער געשיכטע אַראָפ נאָכן טויט. אַ וואָרנונג פאַר דעם הייַנט, אַ טרייסט פאַר דער צוקונפט.

און ווי די פירער, אַזוי גייען די מאַרטירער־העלדן, געשלאָסן אין די רייען, אַקוראַט ווי זיי האָבן צוזאַמען געקעמפט פון די שפאַלטן, פון די לעכער, פון די קעלערס און די דעכער. ציוניסט, בונדיסט, קאָמוניסט, פרומער ייִד, חסיד און „דייַטש" — אַלע אויסגעמישט, יעדער איינער פון זיי געחתמעט מיט דער חתימה פון קידוש־השם פון דער „פמליא של מעלה" אַליין. יעדער איינער פון זיי איז אויסגעצייכנט מיט די לעכער פון דייַטשע ביקסנקוילן, וואָס האָבן דורכגעזיפט זייערע לייַבער, פון אַלע וווּנדן טריפן טראָפנס בלוט. בונדיסט, קאָמוניסט — דאָס בלוט איז איינס, ייִדיש בלוט. איין גזלן האָט עס פאַרגאָסן. דער קרבן איז איינער, דער שונא איז איינער, די נקמה איז איינע, דער נצחון איז איינער, די נחמה, די ישועה, די דערלייזונג איז איינס, דער עבר איז איינער און דער עתיד איז איינער: עם ישראל חי!

און נאָך זיי גייט איינע אַליין אַ מוטער אַ ייִדישע. אַ הויכע אין געשטאַלט, איינגעהילט אין אַ שוואַרצן טוך, האַלט זי אַ טויט קינד אין די הענט — און עס הערט זיך פון דעם שוואַרצן טוך אַרויס אַ קול, דין און שטיל ווי אַ טויב, אַ יללה פאַר זיך אַליין. ווי די מוטער רחל, טענהט זי זיך פאַרן רבונו של עולם אויס, זי האָט נאָר איין איינציק וואָרט צו זאָגן: „אברהם אבינו האָסטו נאָר אויף נסיון געשטעלט, פון מיר האָסטו דעם גאַנצן קרבן פאַרלאַנגט". און דאָס איז נאָר, וואָס זי האָט געהאַט צו זאָגן.

און מיט דעם האָט דער מאַרש פון די טויטע זיך אָפגעשלאָסן — און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש פון די לעבעדיקע.

מיט אַ מאָל זענען אַלע פאַרשוווּנדן. אַלץ איז געווען ווי אַ חלום, וואָס האָט זיך געחלומט. פאַרשוווּנדן זענען די דעפוטאַציעס, פאַרוויסט איז געוואָרן דער ים קעפ, גלייַך זיי וואָלטן נישט געווען. דאָס גאַנצע וואַרשעווער ייִדנטום איז געפלויגן אין דער לופטן און געלאָזט די ערד פרייַ.

שטיל איז געוואָרן די לופט. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס איינזאַמע קלינגען פון די גלאָקן שאָפענס טרויערמאַרש. און די גלאָקן האָבן אַן עכאָ אָפגעשלאָגן אין דעם מאַרש פון די טריט, און די טריט פון די אַרייַנמאַרשירנדיקע אַרמייען.

פלוצלינג איז פון אַ הינטערגעסל אַרויסגעקומען אַ קליינע גרופע מענטשן, מענטשן אין צעריסענע קליידער, באָרוועסע, מיט צעפאַטלטע האָר. מוטערס, וואָס האָבן אויסגעקוקט ווי משוגעים, מיט פלאַמנדיקע אויגן, מיט קראַנקע קינדער אויף די הענט, ביי די הענט; פאָטערס אַליין, יונגע און עלטערע, טייל מיט ביקסן, פאַרוואָרפן אויף די פלייצעס, מיט צעשויבערטע האָר, מיט צעפלאָשעטע בערד; שטיקער בלוטיקע לייַבער האָבן אַרויסגעקוקט פון די צעריסענע טראַנטעס, די נאַקעטע פיס פאַרבלוטיקט, צעהאַקט אָן שטיינער, טייל פאַרבונדן מיט שמאַטעס. די קינדער, וואָס האָבן זיך נאָכגעשלעפט נאָך די עלטערע, זענען געווען ווי קליינע חיהלעך; מיט צעשראָקענע אויגן האָבן זיי זיך אַרומגעקוקט ווילד, ווי מיט אימה, צי עס קומט נישט ווער נאָך זיי.

אַזוי איז די גרופע דערשראָקענע מענטשן, ווי אַרויסגעגראָבענע פון קברים, אָנגעקומען — און זיי האָבן זייערע ציטערדיקע הענט אויסגעשטרעקט אַנטקעגן די מאַרשירנדיקע אַרמייען.

אַלץ איז שטיל געוואָרן און אַלץ האָט זיך אָפגעשטעלט. די מוזיק האָט אויפגעהערט צו שפילן. די קירכנגלאָקן צו קלינגען. דער פאָרויס־רייַטנדיקער גענעראַל אויף זייַן ווייַס פערד האָט געגעבן אַ קאָמאַנדע און דער מאַרש פון די אַרייַנציִענדיקע אַרמייען איז געבליבן שטיין. דאָס ביסל פאָליאַקן, וואָס האָט אָנגעפילט די פאַרבלוטיקטע גאַסן, האָט זיך אָפגערוקט, געמאַכט פלאַץ פאַר דער גרופע קראַנקע מענטשן אין שמאַטעס, מיט צעבלוטיקטע לייַבער, מיט צעשראָקענע אויגן, און געשעפטשעט צווישן זיך:

— דאָס איז דער רעשט פון די ייִדן אין וואַרשע.

דער אָנפירנדיקער גענעראַל איז אַראָפ פון זייַן פערד און האָט זיך טיף פאַרבויגן פאַר דער גרופע פאַרבלוטיקטע מענטשן.

— איך בויג מייַן קאָפ — האָט ער געזאָגט — פאַר די ייִדישע מאַרטירער פון פוילן. איר זענט דער עכסטער קרבן. אָבער צוגלייַך אויך די גרעסטע העלדן פון היטלערס מלחמה. מיט אייַער זייַן און אייַער אויסדויער האָט איר געוווּנען די מלחמה קעגן היטלערן.

נאָך אים זענען צוגעקומען די גענעראַלן פון די אַנדערע באַפרייַונגס־אַרמייען פון די פוילישע אַרמייען. זיי האָבן זיך אויך פאַרבויגן פאַר דעם רעשט ייִדן און געזאָגט:

— וואַרשע וועט נאָך לעבן — מיט אייַך. אָן ייִדן איז נישטאָ קיין וואַרשע. פירט ווייַטער אָן.

און מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ שטים. עס איז געווען די שטים פון דעם האַלבן מיליאָן ייִדן אין וואַרשע, די שטים פון די דרײַ מיליאָן ייִדן אין פּוילן. פון נישט־אָנגעזעענע ספערן האָט די שטים אַראָפּגענידערט אויף דער ערד, די שטים פון דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג, וואָס האָט געלעבט אין פּוילן, פון אַלע רבנים, גוטע־ייִדן, שרײַבער, כלל־טוער, גנבים, שטאַרקע, שלעגער, פּראָסטע ייִדן, חסידים, קאָמוניסטן, בונדיסטן, ציוניסטן, פון אַלע ווײַבער און קינדער, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם דורך היטלערס „ארבע מיתות”. די שטים האָט גערופן און געזאָגט:

„ייִדן פון פּוילן, אין אײַער בלוט איז אײַנגעקנאָטן ייִדישע געשיכטע פון טויזנט יאָר. אין אײַערע הערצער שלאָגט דער דופק פון דורות למדנים, רבנים, שרײַבער, פירער. דער ייִדישער גורל הענגט אָפּ פון אײַך. איר זענט דער רעשט פון אונדז אַלעמען. איר מוזט לעבן. איר וועט לעבן און אין אײַך לעבן מיר אַלע! ”

און אַ נאָכרוף האָט זיך דערהערט פון אומבאַקאַנטע שטימען, פון הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען פאַרפּײַניקטע פּוילישע מענטשן, וואָס האָבן גערופן צו די ייִדן:

ייִדן פון פּוילן, מיר זענען פאַרפּײַניקט געוואָרן פאַר אַ פרײַער פּוילן, נאָר אָן אײַך איז נישטאָ קיין פּוילן. לעבט ווײַטער! ”

(אַרויסגענומען פונעם בוך פון שלום אַש „דער ברענענדיקער
דאָרן” אַרויסגעגעבן פון דעם פאַרלאַג פונעם יידישן פּראַטער-
נאַלן פאַלקס-אָרדן, ניו־יאָרק 1946)

* * *



„דער וויכוח” (אייל־בילד פון יעקב ווײַנלעז)

משה שולשטיין (פּאַריז)

די זון פון אַפּריל...

צום צענטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

די זון פון אַפּריל רופט אַרויס פון דער ערד
דעם מינסטן געוויקס און דער קנאָספּ פון די צווײַגן,
און אײַך, וועמען ס׳האָט נישט קיין פּײַער פאַרצערט,
זי רופט אײַך אַרויס פונעם פאָרכטיקן שווײַגן.

זי רופט אײַך פון אונדזער זכרון אַרויס,
פון האַרץ פונעם פאָלק — דעם געזיכערסטן בונקער,
ווי דאַן מיט די נעגל און צינדפלעשער בלויז
אַנטקעגן דעם פרײַם און פאַרפאַנצערטן יונקער.

אין חודש אַפּריל אויף דאָס נײַ בליט איר אויף
צוגלײַך מיט דער פלאַמיקער רויז, מיט די גראָזן
און בליִעכץ אין גרוז פון מײַן וואַרשעווער הויף,
וואָס מערק־ווינטן טראָגן דאָרט אָן און צעבלאָזן.

צען יאָר שוין ווי ס׳האָבן די רויכן פאַרמעקט
פון גאַסן און הײַזער די לעצטע קאָנטורן,
אַזוי ווי אַ שטורעם — פאַרפלייצונג פאַרדעקט
פון ערד, פון יבשה די מינדסטע שפּורן.

מיט זיך האָבן רויכן פאַרשלעפּט און פאַרווישט
די שאַרפע פּראָפילן פון דעכער און ראָגן,
נאָר האָבן מיט אײַך זיך אין רוים נישט פאַרמישט —
אָן אײַך האָבן זיי זיך אין איך־סוף צעטראָגן...

אַזוי ווי די זון קאָן בלויז ווערן פאַרדעקט
אַ ווײַלע פון וואָלקנס, די סאַמע געדיכטע,
נאָר מוזן זי לאָזן... אַזוי אומבאַפלעקט
געלאָזט האָבן רויכן אײַך — העלדן געזיכטער...

די זון פון אַפּריל גייט פון וואָלקנס אַרויס
און איר — פונעם רויך, אונדז דעם וועג צו באַשײַנען,
איר שטעלט זיך פאַר אונדזערע מאָלצײַטן אויס,
ס׳מישט אויס אײַער בלוט זיך מיט אונדזערע ווײַנען.

ווי אייביקע מאָנער, איר קלאַפּט בײַ אונדז אָן,
איר קומט מיט אַ שבועה די דורות באַשווערן,
באַזיגטע — איר פירט אונדז נאָך אַלץ ווי אַ פאָן,
געפאַלענע — הייבט איר זיך אויף ביז די שטערן...

איר פירט אונדז... מײַן האַרץ לאָזט זיך אָפּ ווי אַ פײַל
מיט שווונג, וואָס קיין קראַפט קאָן אין וועג נישט פאַרהאַלטן;
עס לאָזט זיך צו הייף מיט אײַך אין געאייל,
צו קעלערס, ווו קינדווײַז איך פלעג זיך באַהאַלטן —

און ווו זיך באַהאַלטן איצט קומט קינד — און קייט —
די לעצטע פאַרבליבענע געטאָ־באַוווינערס,
דעם זכר פון לעבן פון אויבן פאַרגייט —
אַלץ טיפער, אַלץ טיפער, אַוועק פונעם שונא.

פון דאָרט, ווו ס׳ווייסט מער נישט פון זונשײַן די גרוב,
אַן אייביקער פּנקס וועט אייביק דערציילן
ווי דײַטשלאַנד פון הימלער, פון געבעלס, פון קרופּ
פאַרטריבן האָט ווידער דעם מענטש אין די היילן.

די לעצטע באַוווינערס... ס׳האָט ווי אַ וואַמפּיר
דעם אומשלאַג דאָס חיות געצאַפּט זינט מעת־לעתן;
אַזוי ווי די שטשורעס בײַם מת פאַר דער טיר —
די בראָך האָט אויף שטיקער דאָס געטאָ צעפרעסן;

ווי פײַער גייט איבער פון שטרוי צו אַ שטרוי,
דער טיפוס פון גוף צו אַ גוף איז אַריבער,
די קויל האָט געשניטן די לופט מיט געוואָי,
אַזש ענג איז געוואָרן דעם טויט אין די גריבער.

אין גריבער איז ענג און אין געטאָ — געררוים,
נאָר שטיל רופט זיך איבער אַ גאָרן מיט גאָרן:
זאָל ווערן דעם פײַנט יעדער מויער אַ צוים,
באַפאַלן אים זאָל יעדער ציגל מיט צאָרן!

דער פּלאָנטער פון הייף זאָל אים ווערן אַ נעץ,
אַרײַן זאָל ער ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטע חיה,
פאַרזונקען זאָל ווערן דער שטאָלענער געץ
מיט זײַנע מונדירן, די פרישע, די נײַע...

פאַר פסח ... מ'האָט כשרן הײַנט נישט פאַרזוימט,
נאָר ס'חמץ — געווען איז נישט וואָס צו פאַרזוימען,
דאָס געטאָ אַלײַן איז הײַנט ליידיק, פאַרזוימט,
דאָך לויערט מיט קראַפט יעדער דאַך, יעדער קוימען.

די וואַרשעווער דעכער! איך האָב זיי געקענט.
דאָס יִנגלשע האַריק פלאַטערט אום אין די בוידעמס,
קלאַפט אָן ווי אַ פויגל אַ קראַנקער אין ווענט,
וואָס פלעגן מיך שרעקן מיט רוחות און שדים.

געווען איז דאָס שפעטער פאַר מיר אַזאַ גליק
באַקוקן פון דאַנען מײַן שטאָט פאַנאָראַמע,
וואָס רחבותדיק שפרייטן זיך פלעגט פאַר מײַן בליק
אַזוי ווי דער וואַרעמער שוים פון אַ מאַמע.

פון דאַנען פלעגט אָפט איבער דראָטן אַוועק
אַ ליכטיקע פאָן, ווי אַן אָנזאָג, אַ בשורה, —
שוין דעמאָלט האָט זי אונדזער געטאָ געוועקט,
צעפאָכט, ווי דאָס פײַער אין קוזשניע — זײַן גבורה,

זי זאָל איצטער זײַן הינטער יעטוועדן דאַך,
ווי שרויט אין גראַנאַט — אינעם האַריק דעם צעשפאַרטן,
אַז ווי נאָר אַ ברעט, זאָל עס ווערן אַ וואַך,
אַן אויסקוק אַ טרײַער דער פײַנט צו דערוואַרטן...

די שיפקייט פון בלעכן זײַן אָנקום באַדראָט,
ווּ ראָגן און שיידוועגן שווײַגן פאַרביסן,
זיי טראָגן פאַרבאָרגן אַ גרויזאַמען סוד,
וואָס בלויז אין דער שפאַרע דער ווינט קאָן אים וויסן.

די ראָגן פון געטאָ... דאָ פלעגט מען אַ מאָל
אַ רעדנער פאַרהייבן אויף אַקסלען פון יונגע,
פון קעלערן טיפע נאָך הערט זיך אַ קול,
ווּ לידער פון באָטווינען האָט מען געזונגען.

אין בוידעמס אַן עכאָ נאָך קלינגט פונעם קול,
ס'שײַנט אָפ אין די לעכער פון פאָנען דער צונטער,
די אַקסלען פון יונגען בײַם ראָג פון אַ מאָל
זיי שפאַרן ס'פאַרשטאָרבענע געטאָ הײַנט אונטער.

דאָס געטאָ איז שטיל, נאָר נישט שטיל ווי אַ מת,
ווען ס'הערן דעם גאַנג שוין פון שונאים די גאַסן,
זײַן סוף באַלד נישט התמנען וועלן עס"עס
מיט זייערע הילכיקע שטיוול־אָפצאַסן.

דערשיטערט בײַם פרילינג אַנטפאַלט יעדעם בלאַט,
דער הימל זיך עפנט אַ ברייטער מיט שטוינען —
די שטילקייט רײַסט אויף דער געבענטשטער גראַנאַט,
אויף שטיקער צעפליקט ער די גאווה פון שונא!

מער וועט מען נישט שלעפן און רײַסן פאַר קעפ,
מער וועט מען נישט כאַפן צום טויט און פאַרנאַרן,
דאָס בלוט פון תלינים בײַ טירן און טרעפ
ליגט ווי אַ באַשטעטיקונג אויף טראָטואַרן.

די גאווה צעפליקט מיטן שונא צוגלײַך.
בײַ איינעם צינדט אָן דער מונדיר זיך דער נײַער,
און ברענענדיק לויפט ער — צו ברענגען דעם רײַך
אַ סימן פון יִדישן ווידערשטאַנד־פײַער. —

מ'האָט אים אונטער דרערד, ווי די פײַן אָן אַ סוף,
געקליבן אין בונקערס — די אייביקע חצותן;
די חרפה פאַר גיין ווי די לעמער און שאָף
צום טויט, ווערט עדות פון דורות צעשאָסן.

עס טראָגט זיך פון געטאָ אַ זאַלפ נאָך אַ זאַלפ
פאַר די שוין, וואָס זענען אין חלל פאַרלוירן,
פאַר די, אין יסורים פאַרשטאָרבן אויף האַלב,
און די, וואָס זיי וועלן ווערן געבוירן...

ווי שפאָרזאַם דער ביסן אין מויל ווערט געשטרעקט,
מען לייגט אין די ביקסן די קוילן די קאַרגע,
צום געטאָ דערשיינען די לוחות פאַרמעקט,
מיט איינציקן וואָרט אַ פאַרקירצטן: „דערהרגע" !

אין פינצטערע היילן פאַרקוועטשט אין דער שטיל
מען הערט ווי אַ ליכטיקע בשורה די זאַלפן,
מען הערט זיי אין געסלעך פון גראָען בעלוויל
און הינטער פאַרטײַעטן קוסט אין די אַלפן,

און הינטער דעם שוועל פונעם „פלעצל" — די סען,
און טיף אין די וועלדער אַרום דער ווילִיע,
פון זייער געהייליקטן ליכטיקן בלענד
בײַם גוסס אין אויסשוויץ שײַנט אויף נאָך די ראיה

ווי ער וואָלט נאָך צום לעצט, אויף דער וואָר,
פון ערגעץ גאָר ווײַטע גאולה — גערווישן,
ווּ קערפערס נאָך שיסן מיט פלאַמיקע האָר,
אַזוי ווי די שפיזיקע שטראַלן בײַ משהן.

עס ברענט שוין דאָס העמד און אָט ברענט שוין די הויט!
אַ פלאַמיקע צונג האָט אין גוף זיך פאַרזויגן,
דאָך שטייט מען, פאַרקלעמט און באַלאַגערט פון טויט,
ביז וואַנען דאָס פײַער פאַרמאַכט זיי די אויגן.

עס ברעכן געלענקען פון הײַזער זיך אויס,
אַ פלאַם מיט אַ פלאַם איבער זיי מאַכט יד־אחת,
נאָר פײַער נאָך גייט פונעם פײַער אַרויס, —
די וויסטע טריומפן פון סטראָפן להכעיס.

ער שטייט פון דער ווײַטנס, פאַרהויבן דאָרט — סטראָפ,
מיט רויטקייט פון שרפה איז פול זײַן לאָרנעטע,
ער וואַרט, פון דער הייך קוקט אַראָפ ווי אַ ראָב —
זײַן קרבן זאָל אויסגיין — ס'דערוואָרגענע געטאָ.

דערוואָרגן ? נאָר ווער זשע דאָרט רירט זיך? ווער וואַגט ?
געמיינט האָט ער, קיינער די שטילקייט שוין וועקט נישט —
זײַן טאַנקען־שנור ווערט דאָרט אויף שטיקער צעהאַקט
און פויזעט נישט מער ווי אַ גיפטיקער עקדיש.

אַן אַנדער רויטקייט אין גלאָז גיט אַ בלענד:
די פאָן פונעם געטאָ האָט אימעץ פאַרהויבן,
מען טראָגט זי אַרויס פון צעפאַלענע ווענט,
פאַרוויקלט אין פלאַם, אין בטחון און גלויבן.

ס׳פאַרהייבט זיך דער גיבור דער לעצטער מיט איר
אַריבער דעם אומקום און חרובע דעכער,
ער היפערט די זײַלן פון בראַנדיקן גיר,
צו טראָגן דעם כבוד פון געטאָ אַלץ העכער.

אַ שוימיקער ים אונטער אים איז דער רויך
און ס׳געטאָ צעשמעטערט — אַ שיף, וואָס גייט אונטער;
און ער, ווי דער שיפס־קאַפיטאַן אין דער הייך,
ער קוקט מיט גבורה צום שווידער אַרונטער.

אַליין אויף אַ ברענענדיק ברעט קעגן שטראָם —
ווער האָט דאָס דערהויבן אים, ער זאָל נישט פאַלן? —
דאָס האַלטן אים אונטער די טויטע פון תהום,
די הענט פון פאַרזינקענע אונטער קאַנאַלן.

ער שטײַגט מיט פארשרפעטע האָר אויפן ווינט,
זיך אָפגעטאָן האָבן פון אים אַלע מוראס,
אַזוי ווי אַ מאַמע האַלט אונטער אַ קינד,
עס האַלט אים דאָרט אונטער אַ חלום פון דורות.

מיט חורבות איז ער ווי אויף שטיגן אַרויף,
עס האָבן אים אונטערגעשפאַרט אַלע קברים,
די וואָלגע געאײַלט האָט צו אים אין איר לויף,
צום אויפשײַג זײַן העכסטן — דערלאַנגען איר אָרעם.

ער איז נישט אַוועק מיטן רויך, מיטן גרויל,
ווי אַלע איר הייליקע אויפשטאַנד־געזיכטער,
נאָר דונערט פון אײַערע פינגער די קויל,
פאַרקריצט ווי אַ פען אינעם בלאַט פון געשיכטע.

עס האָבן די פלאַמען פון אײַערע האָר
אין שײַן זיך פאַרוואַנדלט, אין ליכטיקע קרוינען,
ס׳וועט קומען זיך שפיגלען אין זיי יעדער דור,
די אייביקייט וועט זייער גינגאָלד פאַרשוינען.

דאס פאלק זינגט און זאגט

(פאָלקסלידער און ווערטלעך)

אַרויסגענומען פון די פאָלקלאָר ־ זאַמלונגען פון שמואל לעהמאַן און נח פרילוצקי און פון
בוך „מגילת פוילן" פון לעאָ פינקלשטיין.

גאָט פון אַברהם, פון יצחק, פון יעקב

גאָט פון אברהם, פון יצחק, פון יעקב,
באַהיט דאַן ליב פאָלק ישראל אין דאַנים לויב,
דער ליבאָ אַרציקאָ שבת גייט אַוועק, —
אַז די ליבע וואָך זאָל אינדז קימען —
צי געזינט אין צים לעבן, אין צי פרנסה,
אין צי שלום, צי גיטע בשורות־טובות,
צי אַלעם גיטן גיווין,
אמן, ואמן.

גאָט איז איבאָ אינדז אַלע,
צי דיאָ טיען מיאָר האָפן,
זאָסט אינדזאָרע תפילות דאַהערן,
זאָסט אינדז פיל ניץ באַשערן,
זאָסט אינדז באַשערן,
מיאָר זאָלן זאָך קענען ערנערן,
פין דאַן כשרה מילדע האַנט,
אמן, ואמן, מלך המשיח בן דוויד!

נעמט השם יתברך דעים גילדענעם באַכאָ אין זאַן ראַכטאָ האַנט
אין עיאָר מאַכט די ברכה איבאָרן גאַנצן לאַנד, —
זאָגן כל ישראל: אָמיין, ואָמיין!
דעיאָר אָמיין זאָל אינדז, ליבאָ גאָט, וויל אָסגיין,
אָמיין, אָמיין — זאָל אינדז ווערן וואָער,
אַז די געילע זאָל קימען דאָס האַנטיקע יאָער,
אמן, ואמן, מלך המשיח בן דוויד!

אויפגענומען ביי פייגע ציפקאָוויטש, וואַרשע

אַ גנעבעט צו גאָט פאַרן שלאָפן גיין

אני לי, —

מאַן נשמה נעם צי,

נאָ דיאָ גיטראָ יאַך זי,

ביז אינדאַפרי.

אויפגענומען ביי רייזל־גיטל שעפס, וואַרשע

וואָס אָט מע צי זאָרגן,
וואָס וועט זאַן מאָרגן,
ליבערש לאָמאָ טראַכטן,
וואָס ס'איז געווען נאַכטן,
אפשר וועט מע קענען,
עפעס פאַראַכטן. (פאַרריכטן)

אויפגענומען ביי י. ראָזנפעלד

פּורים־ליד

גיט מאָרגן, מאַן וואַב! — מאַן מאַאַן, גיט יאָער!
זאָסט מיאָר ניש דאַלעבן ביז איבעראַיאָער!
— פאַרוואָס?
— די האָמן־טאַשן זענען דאָך פאַברענט!
די קרעפלאָך האָב יאַך שוין גאָרניש דאַקענט!
פאַרשטערט איז מיאָ געוואָרן די גדילע,
אַלץ צוליב די מגילה!

גאָט פון אברהם, פון יצחק, פון יעקב

גאָט פון אַוורָאַם, פון איצכאָק, פון יאַנקעוו,
באַהיט דאַן ליב פאָלק יִיסראָעל אין דאַנעם לויב!
דעיאָ ליבאָ הײַליקאָ שאַבעסקוידעש גײַט אַוועק, —
די ליבע וואָך זאָל צי אינדז קימען, צים געזינט,
אין צי אַ געזינט לעבן, אין צי פּאַרנוסעס טויוועס, שולוים,
צי אַלעם גיטן געווין, — אָמײַן סעלאָ.

צי דיאָ טיִען מיאָ האָפן,
אין דיאָ טיִען מאָ זאָך פאַרזאַכערן,
צי דיאָ איז גיט צי האָפן,
דוס טויאָ פין אינדזאָ גיבעיט זאָל אַלעמאָל זאַן אָפן

מ׳נעמט דעים באַכאָ אין דעיאָר ראַכטע האַנט,
אין מע מאַכט אַ בראָכע איבאָרן גאַנצן לאַנד,
נאָך אַזוי הויאָך אין נאָך אַזוי שיין,
מאָשיך בען דאָווידס קינדאָלאָך זאָגן נועך, אָמײַן!
אָמײַן, אָמײַן, ס׳זאָל זײַן וואָער,
מאָשיך בען דאָוויד זאָל קימען האַנטיקס יאָער.

אויפגענומען בײַ ביילע ראָזענטאַל, וואַרשע

ווי אַ פּויליש יִנגל דערקלערט זיך אין ליבע צו אַ יִדיש מיידל

— זשידוּוועטשקאַ, כאָטש נאַ בעז!
— יאַ ניע פּוידען, באָ שאַבעס.

און ווען ער שטייט צו איר שטאַרק צו, ענטפערט זי אים אָפּ:

— ווטשאָרײַ מניע מאַטקאַ בילאַ
— זשעבים ס׳שײַגעצעם ניע כאָדזשילאַ.

שלח־מנות ליד

אַ גיטן פּירעם, מלאך!
ווי כ׳גײַ פאַלעך!
די באָערד אי מאָ לאַנג,
ס׳וואַב אי מאָ קראַנק.

נעמט דער טאַטע אַ פּאַיאָ־טאָפּ
אין מאַכט די מאַמע אַ לאָך אין קאָפּ!
זאָגן די קינדאָלאָך: אוי־אוי־אוי
זאָגט דער טאַטע: גיט־אַזוי.

אויפגענומען בײַ מרים כמיעלניצקי, וואַרשע

אין אַ פאָלקסליד ווערט דערציילט ווי עס ווערט אויפגערופן צום ספר אַ ייִד וואָס האָט נישט געקענט מאַכן די ברכה.

— יעמוד רב יהודה!
— יאַ ניע פּוידען.
— דלאַטשעגאָ ניע פּוידזשעש?
— באָ יאַ ברוכע ניע אומיעם.
— דלאַטשעגאָ ניע אומיעש ברוכע?
— באָ אויטשעך מניע ניע אוטשיל.
— דלאַטשעגאָ טשען אויטשעך ניע אוטשיל?
— באָ סאַם קרענק אי ווייטיק אומיאַל.

פאָלקסליד צווישן אַ פאַרליבט יִדיש־פּויליש פּאָרל

פּאַננאַ מאַריאַנאַ, וואָס האָבן זי געמאַכט?

יאַ ניע ספּאַלאַם אַ גאַנצע נאַכט.

ליודזשע פּאָוויעדזשעלי, אַז דו ליבסט מיך נישט,

טשי טאָ פּראַוודאַ, ווייס איך נישט.

שושנת יעקב

(פאָלקסליד)

◆

1. שיינע רויזן שמעקן ווינדער,
דאָס מיינט מען יאַנקעווס קינדער,
זיי זיינען געשטאַנען, זיי האָבן געזעען:
אַז אונז איז ניסים געשעען.

2. פיענקני רוזשאַ־יאַקובאַ דזשעטשי,
איך זאַפּאַך דאַלעקאָ לעטשי,
ווישיסטקי סטאַלי — אי פאַטשעלי,
יאַק האָמאַנאַ פּאָוויאַשילי.

3. האָמען האָט זיך פאַררופן פאַר אַ ווילן יונג,
און ער האָט גערדייט מיט דער פאַלשער צונג,
פון דעם אַלעם איז גאָרנישט געוואָרן:
מ'האָט אים אָפּגעהאָנגען אַף אַ הויכן דאָרן.

4. האַמאַן שע כוואַליל זאַ מאָנדראַקאַ,
קרענציל יעגזיקעם יאַק סאָבאַקאַ,
אַ טאָ ווּשיסטקאָ פּאַן בוג פשעוויניאָל:
סאַם דלאַ שעביע שעמעניצע פּאָסטאַוויל.

5. מאָרדכע האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם זאַק מיט ערד,
און ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אָפן קעניגלעכן פערד,
האָמען האָט אים בּאַ די צוים אַרימגעפירט,
זיין וואַב זערעש האָט אים מיט אַ שאָף טראַקטירט.

6. מאָרדקאַ ז'זשוטשיל וואָרעק ספּיאַסקעם,
אי ווישאַד נאַ קאָניאַ קרולעווסקעם,
האַמאַן זאַ לאָקאַיאַ אָבראַני ביל,
סאַם קאָניאַ פּראָוואַדזשיל.
זשאָנאַ יעגאָ נאַ גאַנקו סטאַלאַ,
שאַפּעל ניעטשיסטאָשטשי גאָ סטראַקטאָוואַלאַ,
ז'זמאַרטוויעניע שע זשוטשילאַ,
פּשאַקרעוו — נאַ שמערטש שען זאַבילאַ.

7. געבענשט זאָל זיין אונזער פרומע עסטער,
זי האָט געדינט ווי אַ געטרייע שוועסטער,
אומגעבעטן איז זי צום מיילעך געגאַנגען,
פון האָמענס הענט אונז אַרויסגענומען.

8. פּאָזדראַוולאָנאַ נאַס עסטערקאַ,
אָנאַ בילאַ שטשענשליוואַ פּאַננאַ,
בעז פּאָזוואָלאָנעם פּשעד קרולעם סטאַלאַ,
ז האַמאַנאַ רענצי נאַס וויראַטאָוואַלאַ.

אויפגענומען בײַ שלמה דאַווידאָוויטש

וואַרשעווער קינדער־פאָלקסליד

עלי, מעלי, יאָסטי,
אַ שוואַרצע כלה האָסטי,
רויטע שיכעלעך גייסטי,
אויפן ביימעלע שטייסטי.

וואָס טויג מיר ביימעלעך
ריטאַלעך צו רײַסן,
וואָס טויג די ריטעלעך
קיעלעך צו שמײַסן,
וואָס טויג די קיעלעך
מילעכו צו מעלקן,
וואָס טויג די מילעכו
קינדערלעך צו געבן,
וואָס טויג די קינדערלעך
נחת צו דערלעבן.

די ערשטע פיר שורות גענומען פון נח פרילוצקיס זאַמלונג
די אַנדערע האָט איבערגעגעבן אסתר גאָלדשטיין פון אַרגענטינע.

חד גדיא

◆

1. שיקט דער האַר אַ פּאָאָר אין וואַלד אַראַן, (פּויער)
אַ פּאָאָר אין וואַלד אַראַן, —
ער זאָל די עפּו ראַסן, ער זאָל די עפּו ראַסן. (עפּל)
פּאָאָ וויל ניש עפּו ראַסן,
עפּו וויל ניש פאַלן, עפּו וויל ניש פאַלן.

2. שיקט דער האַר אַ קעציע אין וואַלד אַראַן, (קעצל)
אַ קעציע אין וואַלד אַראַן, —
ס'זאָל דעם פּאָאָ דראַפּן, ס'זאָל דעם פּאָאָ דראַפּן.
קעציע וויל ניש פּאָאָ דראַפּן,
פּאָאָ וויל ניש עפּו ראַסן,
עפּו וויל ניש פאַלן, אין עפּו וויל ניש פאַלן.

3. שיקט דער האַר אַן אינטיע אין וואַלד אַראַן, (הינטל)
אַן אינטיע אין וואַלד אַראַן,
ס'זאָל דאָס קעציע באַסן, ס'זאָל דאָס קעציע באַסן.
אינטיע וויל ניש קעציע באַסן,
אינטיע וויל ניש קעציע באַסן,
קעציע וויל ניש פּאָאָ דראַפּן — אאַז"ו.

4. שיקט דער האַר אַ שטעקיע אין וואַלד אַראַן, (שטעקל)
אַ שטעקיע אין וואַלד אַראַן,
ס'זאָל דאָס אינטיע שלאָגן, ס'זאָל דאָס אינטיע שלאָגן.
שטעקיע וויל ניש אינטיע שלאָגן,
אינטיע וויל ניש קעציע באַסן — אאַז"ו.

5. שיקט דער האַר אַ פאַיאָר אין וואַלד אַראַן, (פײַער)
אַ פאַיאָר אין וואַלד אַראַן,
ס'זאָל דאָס שטעקיע ברענען, ס'זאָל דאָס שטעקיע ברענען.
פאַיאָ וויל ניש שטעקיע ברענען,
שטעקיע וויל ניש אינטיע שלאָגן — אאַז"ו.

6. שיקט דער האַר אַ וואַסאָר אין וואַלד אַראַן, (וואסער)
אַ וואַסאָר אין וואַלד אַראַן,
ס'זאָל דאָס פאַיאָ לעשן, ס'זאָל דאָס פאַיאָ לעשן.
וואַסאָ וויל ניש פאַיאָ לעשן,
פאַיאָ וויל ניש שטעקיע ברענען — אאַז"ו.

7. שיקט דער האַר אַן אָקס אין וואַלד אַראַן,
אַן אָקס אין וואַלד אַראַן,
ער זאָל דאָס וואַסאָ טרינקען, ער זאָל דאָס וואַסאָ טרינקען.
אָקס וויל ניש וואַסאָ טרינקען,
וואַסאָ וויל ניש פאַיאָ לעשן — אאַז"ו.

8. שיקט דער האַר אַ שוחט אין וואַלד אַראַן,
אַ שוחט אין וואַלד אַראַן,
ער זאָל דעם אָקס שעכטן, ער זאָל דעם אָקס שעכטן.
שוחט וויל ניש אָקס שעכטן,
אָקס וויל ניש וואַסאָ טרינקען — אאַז"ו.

9. שיקט דער האַר דעם מלאך־המוות אין װאַלד אַראַן,
דעם מלאך־המוות אין װאַלד אַראַן,
ער זאָל דעם שוחט שעכטן, ער זאָל דעם שוחט שעכטן.
מלאך־המוות װיל ניש שוחט שעכטן,
שוחט װיל ניש אָקס שעכטן — אאַז"װ.

10. גייט דער האַר אַליין אין װאַלד אַראַן,
אַליין אין װאַלד אַראַן,
ער זאָל דעם מלאך־המוות שעכטן, ער זאָל דעם מלאך־המוות שעכטן.
מלאך־המוות װיל שוין שוחט שעכטן,
שוחט װיל שוין אָקס שעכטן,
אָקס װיל שוין װאַסאָ טרינקען,
װאַסאָ װיל שוין פּאַיאָ לעשן,
פּאַיאָ װיל שוין שטעקיע ברענען,
שטעקיע װיל שוין אינטיע שלאָגן,
אינטיע װיל שוין קעציע באַסן,
קעציע װיל שוין פּאָאָ דראַפּן,
פּאָאָ װיל שוין עפּו ראַסן,
עפּו װיל שוין פּאַלן, אין עפּו װיל שוין פּאַלן.

אויפגענומען בײַ מאַרק שװייד, װאַרשע

◆

אַ ייִדיש פֿאָלקסליד װעגן אַ געשמדט מיידל

חנה איז געזעסן
און געשטריקט אַ שאַטקע
אַ בשורה האָט מען איר אָנגעזאָגט,
אַז איר טאָכטער איז אַ שמאַדקע.

ר' עליע איז געלאָפן
צום גלח אַהיים,
האָט ער דאָרט געטראָפן
פייגעלע שטיין.

דער פּאָטער בעט זיך בײַ איר:

כ'װעל דיר געבן
קליידער און נעדאַן
און דערצו
אַ גאַנץ פײַנעם מאַן.

זי ענטפערט:

איך בין דיר מוחל
קליידער און נעדאַן
נאָר דער שייגעץ
מוז זײַן מײַן מאַן.

ער פּרוּװט איר שילדערן די טרויעריקע צוקונפט:

בײַ מיר ביסטו געגאַנגען
שיך מיט קאַלאָשן
בײַם שייגעץ נאָך דער חתונה
װעסטו װעש װאַשן.

בײַ מיר ביסטו געגאַנגען
אין אַ זײַדן קלייד
בײַם שייגעץ װעסטו גיין
אין צרות און לייד.

בײַ מיר ביסטו געגאַנגען
אין אַ פּוטערנע בויע
בײַם שייגעץ װעסטו שרײַען
„קאָשטשי קופּויע".

און אַז דאָס אַלץ פּועלט נישט, פאַרענדיקט ער רעזיגנירט:

בײַ מיר ביסטו געגאַנגען
אין אַ זײַדענעם ראָק
און אַז דו װעסט פּגרן
װעט קלינגען דער גלאָק.

פֿאָלקסליד וועגן ערבֿ־פּסח

ווי עס הײַבט זאָך נאָר אָען,
פין ראָש־חודש ניסן אָען,
קריגן באַלד אַלע וואַבעלעך אײַן מעשיגאָען,
אין הײַבן באַלד אָען
פין די באָריקים צי שמיסן.

גײַיך אַראָס צי דעם פּאָאָ
נעמט אַ באָריקל, אין בראַכט אָף דאָס ווײַנדאַלע,
אין לעקט צי ס'איז זיס, צי ס'איז זאָאָ,
לעקט פין אינטן אין לעקט פין אויוון,
אין זאָגט אַלעהאַנט כעסרוינעס.

אין אַ מיניט אַרים,
זי קיקט זאָך אים,
שטײַען שוין לעבן איר פינעף הינדאָט קונים,
שטײַען זײַ אַזוי לאַנג,
ביז יעדערער מיז זאַן דײַע אָפּזאָגן.

דאַוואַל נעמט דער פּאָאָ די באַטש
אין הײַבט אָען אַלע פינאַדאָציאָגן,
הײַבן זיי ערשט אָען די באָריקעס אַהײַמציטראָגן.

אין ווי זי טראָגט זי שוין צי מזל אַהײַם
אין זעצט זאָך שוין אָסקראָביען,
קימט די פרימע צאַרקע
אין וויל זי זאַדלאָביען:
— שלימאַזלניצע, נעמט אַ קלאָרע שטשאַרקע!
— אוי ווי מיאָ גישעען, וואָס ווילט איאָ פין מיאָ אָבן?

— די שטשאַרקע איז דאָך געניק קלאָער!
— שלימאַזלניצע, לײַג אַוועק די באָרקע
— די פּאַרזינדיקסט דאָך דאַנע יינגע יאָער!
אָט זי שוין מיט מזל די באָריקעס אײַנגעסקראָבעט
אין איינגעלײַגט.

גײַט זי אַראָס
טראָגט אײַנער אַ גאָנשער
אין איינער אַ פּאַס
אין אײַנער אין אַנדערן ווינטשן זאָך:
— דאַלעבן איבאָ אַ יאָער
— האָט איאָ דאָ ניש גיזעהען דעם פּאָאָ מיט די אײַאָ
וואָס פּאַקויפט צי גילן אַ שאָק?
— אוי, עפּשער דער פּאָאָ אין די ציריסענע גאַטקעס
— אוי, אָב עס אַכציק שוואַריך יאָער!
כ'וועל בעסאָ גײַן פּאַ די טרײַפענע יאַטקעס
וועל יאַך מאָך דאָך קלאָבן שײַן אין קלאָער.

דאַוואַל גײַיך זי צים גיפעים
אין אַ גרויס גיראַס אין אַ גרויס גישלאָק
שטיפּן זאָך אײַנער אין אַנדערן אָפּ די נעיז.
קימיך זי אַהײַם טרעפט זי די מאָאָט קעמען,
פּאַ גרויסע צאָרעס אין גרויסע לײַד
וויל זי די מאָאָט די אויגן אַראָסנעמען
— באַלעבאָסטע, נאַט אַאַך!
— קוויטשעט ניש, אין נאַט אַאַך.
— נאַ, גרייט צים טיש, אין מאַך אין סדר ציראַכט.

אויפגענומען בײַ חיה שעפּס, וואַרשע

ליד פֿון טויט

אַפֿן בראָדאָוואָ דעכו (בראָדער דעכל)
שטײַט אַ שטיבאַלי רעכו (רעכל)
— ווער ווינט דערינען?
— דראַ פּאַנעלעך זיצן און שפּינען:
אײַנס שפּינט גאָלד,
דאָס אַנדערע שפּינט זילבאָ, (זילבער)
אין סדריטע זיצט אַף אַ שטילעכו (אַ שטילעכל)
אין מאָעלט זאָך קאַווי אין מילעכו (מאָלט קאַווע אין מילעכל)
וועקסן לאַכטו אָן די זאַט! (וואַקסן ליכטל בײַ דער זייט)
שטאַרבן מיז מע פאַ די צאַט! (מוז מען פֿאַר דער צייט)
ווע מע ריפט — מיז מי גײַן, (ווען מען רופֿט מוז מען גיין)
טינים מיט גאָלד לאָאַט מי שטײַן. (טאָנען מיט גאָלד לאָזט מען שטיין)

אויפגענומען בײַ חיה שעפּס, וואַרשע

האַנדל, האַנדל

פון אברהם רייזן

☆

אויסגעטאָן פון זיך די שאַנד,
מיטן זעקל אין דער האַנט,
גיי איך אום פון הויף צו הויף,
הייב די אויגן העכער אויף.
אַך, ווי טרויעריק ער זינגט,
אויף דעם גאַנצן הויף עס קלינגט,
האַנדל, האַנדל!

ווער זענט איר, ליבער ייִד?
וואָס דערציילט מיר אײַער ליד?
איך וווין דאָרט אויף דער סמאָטשע־גאַס,
אין אַ קעלער פײַכט און נאַס.

זומער קומט דאָרט נישט אַרײַן
פון דער ליבער זון קיין שײַן,
ווינטער בלאָזט דאָרט אַ ווינט;
איך גיי מײַן גאַנצן לעבן אום,
האַנדל, האַנדל!

אוי, איך האָב נאָך ווערטער פיל,
נאָר איך טראָג זיי אין דער שטיל,
און ווען איך קום אַהיים בײַ נאַכט,
אַ מידער און פאַרשמאַכט,
שעלט איך, שעלט איך...
האַנדל, האַנדל!

פאַרשאָלטן זאָל זײַן דער טאָג פון מײַן געבוירן...

(ליבעליד)

☆

פאַרשאָלטן זאָל זײַן דער טאָג פון מײַן געבוירן,
פאַרשאָלטן זאָל איך ווערן אַצינד,
גלײַכער וואָלט מײַן מוטער מיך נישט געבוירן, ביס
ווען איך בין געווען אַ קליינעם קינד.

ווען איך בין נאָך אַ קליין מיידל געוועזן,
פון קיין ליבע פירן האָב איך נישט געוווסט,
אַז איך בין נאָר אַ ביסל עלטער געוואָרן ביס
אַ ליבע פירן האָט זיך מיר פאַרגלוסט.

דרײַ יאָר פיר איך שוין אַ ליבע
און נעמען, דושקאָ, קענען מיר זיךביידע נישט!

אין אונדזער האַרצן ברענט אַ העליש פײַער ביס
און פאַרלעשן קען דאָס קיינער נישט!

וואָס אַ טאָג ברענט דאָס פײַער גרעסער,
ווען איך זע דיך מיט אַ צווייטער גיין.
אוי, שטעכן וועל איך זיך מיט אַ מעסער, ביס
אַז מײַנע אויגן זאָלן דאָס מײַן נישט זען!

אוי, שטעך דיך נישט, דושקאָ, מיט קיין מעסער!
אוי, וויש דיר אוים דײַנע אייגעלעך אויף קלאָר.
דו וועסט נאָך מיט מזל אַ כלה ווערן, ביס
גאָט וועט דיר צושיקן דײַן פּאָר!

אויפגענומען בײַ מ. זאַקס, וואַרשע 1921

איך וואָלט דיך גענומען...

(ליבעליד)

איך וואָלט דיך גענומען, גענומען,
אין דעם איינעם קליידל,
נאָר כ'האָב מורא פאַר מײַן מאַמעליו, ביס
דו ביסט אַ פּאָדלע מיידל!

נישט אַזוי ווײַט פּאָדלע, פּאָדלע,
פּאָדלע ווי געמיין!
אוי, וואָסזשע קומט מיר דערפון אַרויס, ביס
אַז דו ביסט אַפילו שיין?

שיין ביסטו ליובטשו, ליובטשו!
שיין ווי די גאַנצע וועלט,
נאָר וואָסזשע קומט מיר דערפון אַרויס, ביס
אַז דו האָסט אַפילו געלט?

אוי, געלט איז דאָך קײַלעכדיק, קײַלעכדיק!
עס קאָלערט זיך אַליין אַוועק.
אוי, כ'על מיך הענגען, כ'על מיך טרענקען, ביס
שענק מיר דײַן פּאָרטרעט!

מײַן פּאָרטרעט האָב איך אַוועקגעשיקט, אַוועקגעשיקט,
פאַר דרײַ טויזנט מײַל
כ'האָב געמיינט די ליבע אויף שטענדיק, ביס
צום סוף איז זי געווען אויף דערווײַל!

אין דרויסן איז אַ נעפּל, אַ נעפּל,
אין שטיבעלע איז פּאַרנע,
כ'האָב אָפּגעלעבט מײַנע יאָרן ביס
אין צרות אין מאַרנע!

אין דרויסן איז אַ רעגן, אַ רעגן,
אין שטיבעלע איז נאַס,
אוי, הײַנטיקע יינגעלעך איז אַזוי צו גלויבן, ביס
אַזוי ווי אַ הונט אויף דער גאַס!

אויפגענומען בײַ מ. זאַקס, וואַרשע 1921

אוי, שפּאַצירן זענען מיר ביידע געגאַנגען...

(ליבעליד)

די קויל, די פײַערדיקע קויל,
זי זאָל קיין שום מענטשן נישט טרעפן!
אָנפאַנג ליבע איז דאָך זער גוט, ביס
אוי, די ענדע איז דאָך טרויעריק און ביטער!

אוי, שפּאַצירן זענען מיר ביידע געגאַנגען,
די קראָכמאַלנע גאַס איז געווען צו שמאָל!
אוי, אַ וויסטן סוף זאָל דײַן מאַמעליו האָבן, ביס
אוי, אַרײַן זאָל זי אין משוגענעם שפּיטאָל!

שעלט נישט, אוי, שעלט נישט מײַן מאַמעליו!
קוים שעלטסטו מײַן מוטער מוט דאָך מיך פאַרדריסן;
נײַן מאָנאַטן האָט מײַן מוטער מיך געטראָגן ביס
אוי, און וויפל בלוט האָט זי געטאָן אויף מיר פאַרגיסן!

אוי, שפּאַצירן זענען מיר ביידע געגאַנגען,
די גזשיבאָווסקע־גאַס איז געווען צו ברייט!
אוי, אַ וויסטן סוף זאָלן דײַנע חברטאָרינס האָבן, ביס
אוי, וואָס האָבן דאָך אונדז ביידע צעשיידט!

צעשיידט, אוי, צעשיידט האָבן זיי אונדז ביידע,
אוי, אַזוי ווי אַ גוף מיט איין נשמה!
קעגנאיבער שטייען דײַנע חברטאָרינס, ביס
אוי, דערלעבן ווילן זיי אין דיר אַ נקמה!

אויפגענומען בײַ מ. זאַקס, וואַרשע 1921

פאָלקסליד וועגן אַטענטאַט

ברוך שולמאַן

ווי עס איז געקומען דער ערשטער רוסישער מײַ,
האָט מען דערהערט אין גאַס אַ קלאַפּ,
דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך געטון פרייען,
אַז קאָנסטאַנטינאָוו האָט געקריגן אַ כאַפּ.

ברוך שולמאַן איז אין גאַס געגאַנגען,
געגאַנגען איז ער צום טויט,
געזעגנט האָט ער זיך מיט זײַנע חברים,
מיט דער באָמבע אין דער האַנט.

ברוך שולמאַן איז אין גאַס געגאַנגען,
באַגעגנט האָט ער דעם טיראַן,
מיט דער באָמבע האָט ער אים צעריסן,
קאָנסטאַנטינאָוון, דעם טיראַן.

ברוך שולמאַן איז אויפן טראַמוויי אַראָף,
האָט דוויד אַפּט געגעבן אַ געשריי:
ברוך! ברוך, ווי לאָזסטו מיך איבער
צווישן די טיראַנען איינער אַליין?

ברוך שולמאַן איז פון טראַמווײַ אַראָפּ,
געגאַנגען ראַטעווען זיין חבר אַפּט,
אַרויסגענומען האָט ער דעם רעוואָלווער,
און האָט געהרגעט דרײַ סאָלדאַטן.

נאָך אַ קבר, נאָך אַ קרבן,
נאָך אַ לעבן איז צעשטערט אין דער וועלט,
נאָך אַ קעמפער איז אָפּגעשטאָרבן,
ברוך שולמאַן, דער באַוווּסטער העלד.

ווײַנט נישט שוועסטער, ווײַנט נישט ברידער,
טרויערט נישט מוטער נאָך אײַער קינד,
אַז עס פאַלט, פאַלט דער בעסטער,
דער וואָס האָט נאָר טרײַ געדינט.

דיינע חברים, זיי שטייען ביי דיין קבר,
זיי גיסן טרערן יעדע מינוט,
ראַכע וועלן מיר פון די טיראַנען נעמען,
פאַר אונדזער חברס פאַרגאָסן בלוט.

שיינע בלומען טוען בליִען
ביי ברוכס קבר אויף דער וועלט,
דאָס גאַנצע פאָלק וועט קומען קניִען
פאַר ברוך שולמאַן, דעם באַוווּסטן העלד.

אויפגענומען בײַ אסתר ליבערט, וואַרשע



ברוך שולמאַן האָט אין וואַרשע אין יאָר 1906, דעם ערשטן מײַ 8 אַ זייגער אין אָוונט, בײַם עק פון די גאַסן מאַרשאַלקאָווסקע און שוויענטאָקשיסקע געוואָרפן אַ באָמבע אויפן געהילפס־קאָמיסאַר פון 8טן פּאָליציי־צירקל קאָנסטאַנטינאָוו און אים דערהרגעט אויפן אָרט. קאָנסטאַנטינאָוו איז אין די וואַרשעווער יידישע און פּוילישע אַרבעטער־קרייזן געווען פאַרהאַסט פאַר זײַנע רשעותדיקע מעשים קעגן דער אַרבעטער־באַוועגונג און דער רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ.

ברוך שולמאַן איז געווען אַ מיטגליד פון דער „רעוואָלוציאָנערער פראַקציע" פון פּפּ"ס. צו מאָרגנס נאָכן אַטענטאַט האָט דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון פּפּ"ס אַרויסגעלאָזט אַ קאָמוניקאַט, אַז דער אַטענטאַט איז אויסגעפירט געוואָרן דורך איר וואַרשעווער „באָיוּווקע".

ברוך שולמאַנס לעבן איז רײַך אין העלדנטאַטן. וועגן דוויד אַפּט — אַ חבר פון ברוך שולמאַן — ווערט דערציילט: ווען שולמאַן איז געשטאַנען און געוואַרט אויף קאָנסטאַנטינאָוון, האָט ער באַגעגנט אַפּטן און אים געבעטן צוצוּוואַרטן. דערווײַל איז אָנגעקומען קאָנסטאַנטינאָוו און שולמאַן האָט אויף אים אַ וואָרף געטאָן די באָמבע און איז נאָך דעם באַלד אַרויף אויף אַ טראַמווײַ. אַפּט איז געבליבן ווײַטער שטיין. אַפּט איז צו גלײַך מיט שולמאַנען אומגעקומען און ער ליגט באַגראָבן לעבן שולמאַנס קבר.

אוי, הערט אויס מענטשן

אוי, הערטס אויס מענטשן,
וואָס האָט זיך אין וואַרשע פאַרלאָפן:
בײַ בערקע אין פאַבריק
האָט זיך אַן אומגליק געטראָפן.

דאָס אומגליק איז געווען
מיט אַ גרויס גערודער,
ס'האָבן זיך געבונטעוועט
אַרבעטאָרערס, ברידער.

קלאַפּערס און פּוצערס,
זיי האָבן געמאַכט איין האַנט,
זיי האָבן גענומען קוויטלעך,
געקלעבט אויף דער וואַנט .

צוויי קאָפּיקעס די פּאָר,
זשעלאַיען מיר אַ נאַבאַווקע.
באַלד איר וועט נישט געבן,
מאַכן מיר אַ סטאַטשקע. (סטרייק)

צוויי קאָפּיקעס די פּאָר,
זשעלאַיעט דער נאַראָד:
באַלד איר וועט נישט געבן,
מאַכן מיר אַ באָיקאָט.

צוויי קאָפּיקעס די פּאָר,
וועט איר בײַ מיר נישט אויספירן,
כ'רוף אַרײַן פּאָליציי,
וועט מען אײַך אַרעסטירן.

„איר, בערקע ברענער,
מיר האָבן פאַר אייך קיין מורא,
בײַ אונדז: פּאָליציי
איז אַ קליינע מרה־שחורה.

הערטס נאָר אויס, מענטשן,
וואָס האָט זיך אין וואַרשע פאַרלאָפן
בײַ בערקע אין פאַבריק,
האָט זיך אַן אומגליק געטראָפן.

דאָס אומגליק איז געווען
מיט אַ גרויס געשריי:
— זאַביערײַטשע בונטאָווטשיקי,
טאָלקאָ פּאָסקאָרעי!"



פאָרווערטס, ברידער

פאָרווערטס, ברידער, אין די רייען,
שנעל, די פאָן איז שוין גרייט,
קומט זיך דרייסטער צו באַפרײַען,
אין דעם קאַמף פון לעבן און טויט.

אַלע, צו די באַריקאַדן,
ברידער, מיט געווער אַרויס!

נישט געשטאַנען, קאַמעראַדן,
דער זיג איז זייער גרויס.

פרויען, העלדן, נישט געשטאַנען,
אַלע קומט אַהער מיט מוט,
קעמפט צוזאַמען מיט די מאַנען,
ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט.

אַלע, צו די באַריקאַדן אאַז"וו.

רײַסט שטיינער פון די גאַסן,
באַריקאַדן בויט אויס,
ברידער, קאַמעראַדן,
שנעלער, מיט געווער אַרויס.

אַלע, צו די באַריקאַדן אאַז"וו.

אויפגענומען בײַ טאָבטשע טורין, וואַרשע



שלאָף מײַן קינד

אַרבעטער־פאָלקסליד.

שלאָף מײַן קינד, שלאָף כּסדר,
זינגען וועל איך דיר אַ ליד,
אַז דו, מײַן קינד, וועסט עלטער ווערן,
וועסטו וויסן דעם אונטערשיד.

אַז דו, מײַן קינד, וועסט עלטער ווערן,
און דו וועסט זײַן מיט לײַטן גלײַך,
דעמאָלט וועסטו געוווּיר ווערן
וואָס הייסט אָרעם, און וואָס הייסט רײַך.

די טײַערע פּאַלאַצן מיט די טײַערע הײַזער,
דאָס מאַכט אַלץ דער אַרבעטסמאַן,
און ווייסטו ווער עס טוט אין זיי וווינען?
נאָר נישט ער, נאָר דער רײַכער מאַן.

דער אַרבעטסמאַן, ער וווינט אין קעלער,
דער ווילגאָטש גיסט זיך פון די ווענט,
דערפון דערהאַלט ער רימאַטן־פעלער,
אויף זײַנע פיס און אויף זײַנע הענט.

אויף דעם וואַסער בין איך געפאָרן,
כ'האָב געוואָלט זען ווי די וועלט איז שיין,
אָבער דו, מײַן קינד, שלאָף כּסדר,
דאָס אַלץ צו וויסן ביסטו נאָך קליין.

אויפגענומען בײַ ריווע שוואַרצפוקס, וואַרשע



שנעל דרייען זיך די רעדער

(אַרבעטער פאָלקסליד)

שנעל דרייען זיך די רעדער, עס קלאַפּן די מאַשינען,
אין די פאַבריק פון די באָניפראַטן־גאַס,
דער קאָפּ ווערט פאַרטומלט, די אויגן ווערן פינצטער, (ביס)
פינצטער פון אַרבעט און שוויים.

— הער שוין אויף דו אַרבעטאָרער, טרערן צו פאַרגיסן,
דו מאַכסט דאָך אויף די אַרבעט אַ פלעק,
באַלד וועט אַרײַנקומען דער מײַסטער, דער מערדער, (ביס)
טרײַבט ער דיך פון דער אַרבעט אַוועק.

— פאַר וואָס זאָל איך נישט וויינען, פאַר וואָס זאָל איך נישט קלאָגן,
קוקטס אים נאָר אָן,, ווי דיק און ווי רויט,
ער זויפט זיך דאָס ביר, ער רייכערט די ציגאַרן, (ביס)
ער ווייסט נישט פון קיין הונגער און קיין נויט.

דאָ קומט אַרײַן דער מײַסטער, אַזוי ווי אַ ווילדע חיה,
און יאָגט צו דער שחיטה די שאָף,
— ווי לאַנג וועט איר דערוויַטערן, איר אַרבעטער, אײַערע ברידער? (ביס)
שטייט אויף און מאַכט פון דעם מײַסטער אַ סוף.



~~19~~
19

ברידער און שוועסטער

(פאָלקסליד פון 5טן יאָר)

ברידער און שוועסטער,
לאָמען גיין אויף כוח,
לאָמען צישפּאַלטן,
דעם חזיר דעם מוח.

העי, העי, דאַלאָי פּאָליציי,
דאַלאָי סאַמאָדערזשעץ וו'ראָסיי!

ברידער און שוועסטער,
לאָמען עסן אַרבעס,
לאָמען צישיסן,
די רוסישע קאַזאַרמעס.

העי, העי,... אאז"וו.

ברידער און שוועסטער,
לאָמען עסן אַרבוז,
לאָז ניקאָלײַקען,
פאַרפוילט ווערן די נאָז.

העי, העי,... אַאַז"וו.

דראַגונער, קאַצאַפּן,
אַראָפּ פון די פערד,
דער רוסישער קייזער,
ליגט אין דר'ערד.

העי, העי,... אאז"וו.

אויפגענומען בײַ משה סופּיט, וואַרשע



זומער פאַר נאַכט

(אַרבעטער פאָלקסליד)

זומער פאַר נאַכט,
כ'האָב די אַרבעט געמאַכט,
הייסט מײַן מײַסטראָווע,
זיצן אַ גאַנצע נאַכט.

פאָלג איך איר,
און זיץ אַ גאַנצע נאַכט,
ס'קומט אין דער פרי,
בין איך זייער אָפּגעשוואַכט.

כ'קום אַהיים, פרעגט מיך מײַן מוטער
וואָס איך זע אויס אַזוי שלאַכט,
ענטפער איך איר:
„כ'בין אויפגעווען אַ גאַנצע נאַכט".

שפּעט מוז איך מיך לייגן,
פרי מוז איך אויפשטיין,
מיט מײַנע קראַנקע אברים,
מוז איך צו דער אַרבעט גיין.

קום איך צו דער אַרבעט,
זאָגט די מײַסטראָווע: „צו שפּעט".
ענטפער איך אַ תירוץ,
„כ'האָב אַ ווײַטן וועג".

איך ברויך נישט דײַן תירוץ,
אַז דו האָסט אַ ווײַטן וועג,
כ'וועל דיר אָפּשלאָגן,
פאַר האַלבע טעג.

אויפגענומען בײַ ביילע ווײַסבראָד, וואַרשע



אוי, איך, נעבעך, זינדיקער בעקער

אוי, איך, נעבעך, זינדיקער בעקער,
מײַן לעבן בײַ מיר איז גאָרנישט טײַער,
ווײַל מן הערב ועד בוקר,
ברען איך מיך בײַ דעם פײַער.

מײַן פּאָטער האָט מיך געטון
צו אַ בעל־מלאכה געבן, צו אַ בעל־מלאכה געבן,
ער האָט מיך, נעבעך, געשאָכטן
אויף מײַן גאַנץ לעבן.

אוי, איך, נעבעך, אאַז״וו.

אַ גאַנצע נאַכט טו איך מיך, נעבעך,
ברענען, בראָטן, ברענען, בראָטן,
אין דער פרי קומט אַראָפּ די בעקערין,
שרײַט זי: „די זעמל מיטן ברויט זענען נישט געראָטן!״

אוי, איך, נעבעך, אאַז״וו.

בײַ יעטוועדערן שפּילט זיך אַ מוזיק,
מיט מוזיקאַנטן, מיט מוזיקאַנטן,
בײַ מיר אויפן פּיעקעליק
איז דאָ פיל גרילן מיט וואַנצן.

אויפגענומען בײַ ירמיהו גרינבלאַט, וואַרשע



איר נאַרישע ציוניסטן

איר נאַרישע ציוניסטן,
מיט אייער קעצענעם מוחל,
קומט אַרויס צו דעם אַרבעטסמאַן,
און לערנט אײַך בײַ אים שכל.

איר נאַרישע ציוניסטן,
אויף אַלע בעלער טוט איר לויפן,
דער טערק האָט אײַך אָנגעפּײַפט,
קיין ערד וויל ער אײַך נישט פאַרקויפן.

איר נאַרישע ציוניסטן,
טעריטאָריעס ווילט איר טאַקע,
דאָ ווו דער אַרבעטסמאַן גיט אַ טראַכט,
ווייסט דער ציוניסט אַ מכה.

איר נאַרישע ציוניסטן
מיט דעם מגן־דוויד,
איר קומט אַרויס אויף דער דזשיקע־גאַס,
ווילט איר מ׳זאָל אײַך אָפּגעבן כבוד.

— איר קלוגע בונדיסטן,
אויף אַלע בירזשעס טוט איר לויפן,
ווען ס׳באַווײַזט זיך נאָר אַ קאָזאַקל,
הייבט איר באַלד אָן צו אַנטלויפן.

אויפגענומען בײַ משה סופיט, וואַרשע



וויעראַ

(פאָלקסליד פון קאַמפס־קרבנות)

עס שרײַען ,עס רוישן פיל טויזנטער שטימען
פון מענטשלעכע הערצער אַרויס, (בים)
זיפצן און קרעכצן טוט מען דאָרט הערן,
דאָס מישט זיך אַלץ צוזאַמען אויס. (בים)

דאָרט ליגט זיך אַ מיידל פאַרווונדעט,
דער לעצטער אָטעם גייט איר אויס, (בים)
ראַכע, ברידער, נעמט אייך צוזאַמען,
רוימט שוין די טיראַנען אויס. (בים)

דו ביסט געפאַלן, טײַערע וויעראַ,
אין קאַמף ווי אַ העלד, (בים)
דײַנע ווערטער וועלן לעבן
לאַנג, לאַנג נאָך אויף דער וועלט. (בים)

דײַנע ווערטער וועלן לעבן
לאַנג, לאַנג נאָך דײַן טויט, (בים)
מיט דײַן בלוט וועט מען פאַרבן
אונדזערע פענער אויף רויט. (בים)

דער אמתער נאָמען וויעראַס איז געווען פרומעט גראבאלסקא. זי איז געווען א מיטגליד פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון „בונד“. זי איז געהרגעט געוואָרן פון א שאָס דעם 20טן מאַרץ 1905 אויפן ראָג דזשיקע און גענשע אין וואַרשע בעת א דעמאָנסטראַציע צום פּאַוויאַק, כדי אַרויסצובאַקומען דעם טויטן קערפּער פון א חבר וואָס איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט. צוזאַמען מיט פרומעטן איז דעמאָלט אויך דערשאָסן געוואָרן דער בונדישער טוער ס. מאַרגאָ־לין, באַקאַנט געווען אונטערן פּסעוודאָנים „סעמיאָן“.



וואָס טוסטו זיך דרייען בײַ מײַן פענצטער

אוי, וואָס טוסטו זיך דרייען בײַ מײַן פענצטער? אוי וויי!
אוי, צי וועל איך דען צו דיר אַרויסגיין?
דו רעדסט מיר אײַן, איך בין בײַ דיר די שענסטע, ביס
אַז קיין שענערע פאַר מיר איז שוין נישטאָ!

דײַנע אויגעלעך, זיי זענען שוואַרץ ווי די קערשן, אוי וויי!
דײַנע ליפּעלעך, זיי זענען צוקער־זיס;
דײַנע בעקעלעך, זיי זענען ראָזאַ־פאַרבן, ביס
עס גליסט דאָך מיר זיי צו געבן אַ קיש.

אוי, מאַך נישט דײַנע פאַלשע קאָמפּלימענטן, אוי וויי!
אוי, זאָג שוין נישט אַז איך בין שיין,
פאַרברענט זאָלן אַלע יינגלעך ווערן ביס
און דו זאָלסט אויך זײַן צווישן זיי!

אוי, אַ ליבע קומט דאָך מיט אַ שמייכל, אוי וויי!
דורך אַ ליבע פירן שלאָפט מען נישט קיין נאַכט.
פאַרברענט זאָלן אַלע יינגלעך ווערן, ביס
וואָס זיי האָבן די פאַלשע ליבע אויסגעטראַכט!

אונדזער ליבע איז געשלאָסן געוואָרן, אוי וויי!
אוי, ווי גליקלעך איז געווען די מיניט!
און הײַנט גייט אַ קלאַנג אין אַלע גאַסן ביס
אַז כאַנעלע האָט פערעצן אויסגעשיט...

אויפגענומען בײַ מ. זאַקס, וואַרשע 1921

הער נאָר, איטשע־בער

הער נאָר, איטשע־בער,
קום נאָר דאָ אַהער,
כ'וועל דיר עפּעס זאָגן,
וועסטי הנאה האָבן.

מ'האָט שוין אויסגעהרגעט אַלע סטרײַקערס,
מ'האָט שוין פֿאַר די סטרײַקערס ניש קאַ מורא,
מ'קען שוין גײן לערנען,
פֿרײַ די תורה.

ששו ושמחו
בשמחת תורה
מ'האָט שוין פֿאַר די סטרײַקערס
ניש קאַ מורא.

אויפגענומען בײַ סאָכאַטשעוו, וואַרשע

נאָכן דורכפֿאַל פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע פֿון 5טן יאָר איז דאָס דאָזיקע חוזק־לידל געזונגען געוואָרן אין די חסידישע שטיבלעך, שמחת־תורה, ווען דער עולם איז שוין געווען היפּש בגילופֿינדיק. אויך די אונטערוועלטניקעס האָבן עס געזונגען.



◆

גיי אַוועק, דו מערדער...

די לבנה האָט געשײַנט 12 האַלבער נאַכט
פֿאַר מיר און פֿאַר דיר אַליין;
דו האָסט זיך גאַנץ פֿײַן פֿון מיר אויסגעלאַכט,
דאַן האָב איך אַלעס דערזען.

רעפֿרײן: גיי אַוועק, דו מערדער, גיי שאַרלאַטאַן!
ריר מיך נישט אָן מיט דײַנע הענט!
דו קוילעסט דאָס מיידל גאָר אָן רחמנות,
וואָס טראָגט דיך גאָט אויף דער וועלט?

איך זיץ מיר בײַם פֿענצטער און באַטראַכט מיר דעם ווינט,
ווי טרויעריק ער קומט צו מיר צו;
אוי, אַלע ייִנגלעך זענען פֿאַלש ווי די הינט,
די מיידלעך סטראַדאַיען דורך זיי!

גיי אַוועק, דו מערדער... און אַזוי ווײַטער

צו ביסטו פֿון אײַזן, צו ביסטו פֿון שטיין?
צו ביסטו פֿון דעמבאָווע האָלץ?
ס'רירט דיך נישט קיין טרערן, ס'רירט דיך קיין געוויין!
וואָס ביסטו בײַ זיך אַזוי שטאָלץ?

גיי אַוועק, דו מערדער... אאַ"וו.

אויפגענומען בײַ מ. זאַקס, וואַרשע 1921

צוויי וואָכן פאַר ערב־פּסח

(גנבים ־ לידער)

צוויי וואָכן פאַר ערב־פּסח,
ס'איז געווען מיטוואָך פאַר נאַכט —
דאָ בין איך מיר אין גאַס אַרײַן געגאַנגען,
אויף דעם אומגליק האָב איך מיך נישט געראַכט. (געריכט)

אַ מאַסעמאַטן האָב איך אויסגעקוקט,
דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איך פעל עס,
צום אומגליק בין איך געלאָפן געשיקט
און האָב אויפגענאַלט די דעלעס. (אויפגעבראָכן די טיר)

מיטן לאָם צו אַ קאַסע בין איך צו,
איך אַרבעט און טו שטיל זינגען,
נאָר אומזיסט איז געווען מײַן מי:
כ'האָב געהערט אַ כאַ און באַרן טויער קלינגען. (אַ געוואַלד)

די יעלה האָט זיך דערנענטערט צו דער שטוב,
יאָלדן זענען בײַ מיר אַ גאַנצן שאָק...
ווײַל די פרײַ איז בײַ אַ נורקע ליב, (גנב)
בין איך אַראָפּ פון פענצטער פון דריטן שטאָק.

ווי כ'בין פון דריטן שטאָק אַראָפּגעשפרונגען,
געפאַלן בין איך אויף אַ שטיין,
איך האָב מיר גאָרנישט געטאָן,
נאָר צעבראָכן אַ פוס ביז צום ביין.

ווי כ'האָב מײַן פוס צעבראָכן,
קיין צײַט האָב איך נישט געהאַט צו רוען,
מ'זאָל מיך גרייפן (אַרעסטירן)
האָב איך אָנגעהויבן אָפּציִען. (אַנטלויפן)

אויפגענומען בײַ משה לינדער, וואַרשע 1903



וואָס גייסטו אַרום

וואָס גייסטו אַרום אַזוי פאַרסמוטשעט,
וואָס גייסטו אַראָפּגעלאָזט די נאָז?
עפשער ווילסטו וויסן ווער ס'איז דײַן משפּחה,
קען איך דיר זאָגן ווער און וואָס.

דײַן טאַטע איז אַ סמאַרעוואָזניק, (אַ רעדער־שמירער)
דײַן מאַמע גנבעט פיש אין מאַרק,
דײַן ברודער איז אַ גרויסער יוינע (אַ נאַר)
און דײַן שוועסטער איז אין בוינע. (בוענאָס־אײַרעס)

נאָר איך אַליין בין דאָס פיינע מיידל,
אין מיר ליבט זיך אַ יאַט,
עפשער ווילסטו, מאַמינקע, מיר נישט גלייבן, —
האָב איך שוין חתונה געהאַט.

אויפגענומען בײַ אבֿרהם־יצחק ווײַנריב, וואַרשע



הערט אויס, מענטשן

הערט אויס, מענטשן, פון מיר אַריע אַ ליד,
וואָס האָט זיך געטוען מיט מיר פּאַסירן.
קליינערהייט האָבן מיינע עלטערן געטון קווענן,
אַז איך האָב געטון שפּאַצירן.

הײנט מוז איך אין חדר זיצן, (טורמע)
עלנט און ביטער אַזוי ווי אַ שטיין,
ס'איז נישטאָ מיט קיינעם קיין וואָרט צו רעדן,
נאָר צו דיר, גאָט, אַליין.

ס'איז געקומען מיטוואָך אין אַ אומגליקלעכן טאָג,
כ'האָב מיך אַף קיין שום זאַך נישט געראַכט,
מ'האָט מיך פון מיין שטיבעלע אַרויסגעיאָגט,
מיט סוראָוויטשן אַ שנאַפּס געמאַכט.

איך גיי מיר פאַרביי פאַר די רעסטאָראַציע,
אוי, מיין אומגליק איז דאָך גאָר גרויס,
ס'האָבן מיך צוויי בעלפערס דאַזעען,
זיי האָבן געזאָגט, זיי קוקן מיך אויס.

אַזוי ווי כ'בין אין קיטש אריין געקומען, (תפיסה)
מיינע גוטע ברידער האָבן פון מיר נישט געוווסט,
דריי יאָר דאַרף איך אַ ווירעאָק אויסזיצן,
און דאָס לעבן ווערט מיר פאַרמיסט.

אומזיסט מיין וויינען, אומזיסט מיין טרויערן,
איך בלייב דאָך עלענט אַזוי ווי אַ שטיין,
דעם ווירעאָק אויסזיצן וועל איך אין תפיסה,
אין די תפיסה איינער אַליין.

אויפגענומען ביי פסח אַלטגלאָס, וואַרשע



מײַנע אויגן זענען אָפן

מײַנע אויגן זענען בײַ מיר אָפן,
פון קוקן אין הימעל אַריין.
ס'האָט מיך אַן אומגליק געטראָפן,
מ'פירט מיך אין צאַרקל אַריין. (פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט)

אַזוי ווי כ'בין אין צאַרקל אַריין געקומען,
האָט מען מיך געזעצט הינטער די קראַטן,
מ'האָט מיר אַ באַפעל געגעבן,
אַז כ'וועל אויסזאָגן ,וועט מיר גאָר נישט שאטן.

דער עלטסטער ער קומט צו מיר צו,
און נעמט מיך מיט גוטע רייד,
אַז דו וועסט דעם אמת אויסזאָגן,
ווי טייער וועסטו זיין געקליידט.

אַ פּאָסטן וועלן מיר דיר געבן,
פיל געלט וועסטו באַ אונדז פאַרדינען,
קיין גאַסן־גייער וועסטו מער נישט זײַן, (גנב)
און קיין שרעק וועט דיר שוין מער נישט פאָרקומען.

אַ דירה וועט מען דיר געבן,
די פענצטער אין גאָרטן אַריין,
אַלע פאַרגעניגנס וועט מען דיר צוטיילן,
אַז דו וועסט אונדז נאָר געטריי זיין.

איך טו מיך איבערקלערן ,
איך ווייס נישט וואָס דאָ צו רעדן,
צי זאָל איך דעם אמת פאַקטיש אויסזאָגן,
צרות וועל איך שוין נישט ליידן.

אויפגענומען בײַ כאַנטשע קרופּקע, וואַרשע 1910



בײַ נאַכט שײַנט מיר די לבנה

בײַ נאַכט שיינט מיר די לבנה,
בײַ טאָג די זון
קיין אומגליקלעכער אויף די וועלט
נישטאָ ווי איך בין.

צו מיינע צרות נישטאָ קיין ענדע,
ביז אין מיין מיסע,
אַז איך בין שוין פאַרשריבן,
אין וואַרשעווער תפיסה.

אין וואַרשעווער פּאַוויאַק
איך צענטעווע אין דעם אָרט
אומגליקלעך איז דער מענטש
וואָס ווערט פאַרשריבן דאָרט.

מאַמע, טייערע מאַמע
רחמנות האָב אָף מיר
איך בין אַ בלאַטער
וואָסאַרן נוץ קענסט דו האָבן פון מיר?

כ'זאָל קענען שרײַבן, רעכענען
פלעגסטו מאַכן געוואַלדן
דער פּראָקוראָר לערנט מיך גנבהנען
און גוט באַהאַלטן.

אויפגענומען בײַ
יהושיע שטיין, וואַרשע



כ'בין געווען קליין

כ'בין געווען קליין,
בײַ מײַן טאַטע־מאַמע אין דער היים,
אוי, וואָס האָב איך דעמאָלט באַדאַרפט?
איך טו מיך דערמאָנען
כ'בין אין חדר געגאַנגען
דער רבי האָט געלערנט גאַנץ פײַן.

כ'הייב מיך אויף אין דער פרי
צו מײַן חבר גיי איך אַהין
אין חדר האָב איך נישט געוואָלט גיין.
מײַן מאַמעליו שטייט גרייט
און וואַרט מיך אָפּ צו דער צײַט
זי זעט מיך פון חדר נישט גיין.

ס'איז שוין פאַרבײַ
אַ יאָר דרײַ
די מאַמעליו קאָן נישט פאַרגעסן אָן דעם קינד.
פון דעם קינדס צופיל זאָרגן
איז דער טאַטעליו געשטאָרבן
ס'אַלעס דורך מײַנע זינד.

אין אַ זומערדיקע נאַכט
האָט זיך מיר געמאַכט
אַז גנבענען האָב איך געמוזט גיין.
טויט ווי די וואַנט
דעם שאַבער אין דער האַנט
כ'האָב געמיינט, אַז כ'וועל גליקלעך זײַן.

כ'בין צום ערשטן טויער צוגעקומען
האָב איך מיך פאָרגענומען
כ'האָב מיר פאָרגענומען, און כ'בין אַרײַן אין אַ הויז.
כ'האָב באַמערקט ווי דאָס טויער
כ'האָב מיך געמאַקלט אין אַ ווינקל
כ'האָב באַמערקט ווי די קערערן גייט אַרויס.

כ'האָב געפּסיכנט די טיִער
כ'האָב פאַרפאַקט אָן אַ שיִער
כ'בין געווען, אוי, פאַרטיק צו גיין.

פלוצלינג טו איך הערן
ווי מ'טוט זיך קערן
סצאַמיעיעט בין איך געבליבן שטיין.

אַזוי באַלד
איז געוואָרן אַ געוואַלד
ס'ביסל יאָלדן האָבן זיך געפּאַקט צו דעם הויז.
אַ געטומל און אַ געשריי:
„זלאָדזשעיאַ זלאַפּאַי"
איך קאָן שוין פון דאַנעט נישט אַרויס.

ס'ביסל יאָלדן לויפן אויף מײַנע ווונדן
ווי מ'פירט מיך געבונדן
אין זיבעטן צאַרקל אַרײַן. (פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט)
מ'האָט נישט לאַנג, אוי, געטראַכט
און אַ פּראָטאָקאָל געמאַכט
און מ'לאָזט מיך אין די פינצטער אַליין.

מ'פירט מיך אין סאָנד (געריכט)
מ'זעצט מיך אין אַ קאָנט (ווינקל)
דעם ווירעק האָט מען מיר פאָרגעלייענט.
קאָנוואָיען בײַ די זײַטן
געקאָוועט אין קייטן
איך הייס שוין דעם נאָמען אַרעסטאַנט.

כ'קוק אָן די קראַטן
דערמאָן איך מיך מײַן טאַטן
אוי, געשטאָרבן איז ער צוליב מיר.
כ'דריי מיך אויס צו דער וואַנט
מיט אַ גרויס געוואַלד
אַז גנבענען וועל איך שוין נישט מער.

כ'בין נאָר אַרויסגעקומען,
צו דער אַרבעט האָב איך מיך גענומען
זעקס רובל אַ וואָך האָב איך פאַרדינט.
איך האָב שוין פאַרגעסן
אַז כ'בין אַ מאָל געזעסן...
די גנבה זי ציט מיך צוריק.

אויפגענומען בײַ שמואל ווײַנבערג, וואַרשע 1913



אוי, ליג איך מיר אין תפיסה

אוי, ליג איך מיר אין תפיסה, אין פינצטערן געצעלט,
צווישן די גראָבע מויערן,
אוי, ווי אומגליקלעך איז דער גנב אויף דער וועלט,
זײַן לעבן איז נאָר צום באַדויערן.

אוי באַטראַכט נאָר, ליבע מענטשן, די לאַגע פון מיר,
און אויך פון מײַנע ליבע מוטער,
מיט יאָרן צוריק האָט מען מיין מוטער פאַרשיקט קיין סיביר,
איבערדעם איז מיר מײַן לעבן פאַרביטערט .

מיט יאָרן צוריק, ווען מען האָט מײַן מוטער פאַרשיקט,
דעמאָלט האָט זי מיך געבוירן,
דאַמאָלט איז געקומען אַף מיר אַן אומגליק,
דאַמאָלט האָב איך מײַן מוטער פאַרלוירן.

מײַן מוטער איז אָפּגעשטאָרבן אין וויסטן סיביר,
צווישן די געדיכטע טאַיגן,
דער טורמע־נאַטשאַלניק האָט מיך צוגענומען צו זיך,
אין דער תפיסה האָט ער מיך אויפגעצויגן.

אויפגעצויגן האָט ער מיך אין וויסטן סיביר,
צווישן די גראָבע מויערן,
הײַנט באַטראַכט נאָר, ליבע מענטשן, די לאַגע פון מיר,
אוי, מײַן לעבן איז נאָר צו באַדויערן.

קיין ברידער, קיין שוועסטער ,האָב איך נישט געהאַט,
עלנט בין איך געבליבן,
מײַן פאָטער מוז אויך זײַן נע־ונד,
גאָט ווייס ווו מ'האָט אים פאַרטריבן.

פון צענטן ביזן עלפטן יאָר בין איך אין סיביר געווען,
ביז וואַנעט איך האָב שכל באַקומען,
דאַמאָלט האָב איך אָנגעהויבן וואַנדערן גיין,
צו קיין ענדע בין איך נישט געקומען.

אוי, איך וואַנדער, איך בלאָנדזשע שוין אייניקע טעג,
איך קען צו קיין ענדע נישט קומען,
דאָ האָט מיך באַגעגנט אַ מענטש אַפן וועג,
וואָס ער האָט מיך צו זיך אַ היים גענומען.

אוי, שטעלט אייך פאָר, ליבע מענטשן, די לאַגע פון מיר,
ווען איך בין אין זײַן שטוב אַרײַנגעקומען,
איך האָב געמיינט, אַז ער האָט מיטלייד מיט מיר,
וואָס ער האָט מיך אַזוי פיין אויפגענומען.

פיל צרות, פיל פיין האָב איך מיר דאָרט צוגעזען,
כ'האָב נישט געוווּסט וואָס מײַן שטרעבן,
ער האָט מיך געלערנט, אוי גאַנווענען גיין,
צו צונעמען בײַ מענטשן דאָס לעבן.

אוי, אַמאָל בײַ נאַכט שטיי איך אין וואַלד,
דאָ קען איך קיין גוטס נישט דערלעבן,
פּלוצלינג זע איך אָנקומען מענטשן אַ סאַך:
„גיט אַהער דאָס געלט אָדער דאָס לעבן"

געשאָסן, געשאָסן אַ צייט נאָך אַ צייט,
דאָס שיסן האָט מיר נישט געגליקט,
ס'וואָלט שוין בעסער און קראַנטער געווען,
מ'וואָלט מיך קיין סיביר צוריקגעשיקט.

אויפגענומען בײַ מענדעלע ריטשעווער, 1914



גיי איך מיר פון מײַן אַרבעט

גיי איך מיר פון מײַן אַרבעט,
קלאַפּ איך אָן בײַ מײַן מאַמעליוס טיר,
גייט פאַרבײַ דאָס קליינע גנבל
און זאָגט, ער וויל שפּאַצירן גיין מיט מיר. יאָ, יאָ.

מײַן מאַמעליו האָט דאָך מיר צוגעזאָגט,
זי וועט דאָך מיך שלאָגן,
אַז אונדז ביידע וועלן שפּאַצירן גיין,
וואָס וועלן לײַטן זאָגן. יאָ, יאָ.

— הער נאָר דו שיין מיידעלע,
וואָס האָסטו מורא פאַר לײַטן?
אַז אונדז ביידע וועלן שפּאַצירן גיין,
אויף שמאָלע־מילע גאַס אין די זײַטן. יאָ, יאָ.

ער האָט זי גענומען, ער איז מיט איר געגאַנגען,
אַרויס אויף די סמאָטשע גאַס,
צו יצחק פּאָליאַק האָט ער זי אַרויסגעפירט,
דאָרטן האָט ער זי פאַרפּאַסט. יאָ, יאָ. (פאַרקויפט)

אַזוי ווי זי איז דאָרטן אַרויסגעקומען,
האָט זי געגעבן די פּשידופּניקעס די האַנט: (אַלפאָנסן)
זיי האָבן אָנגעהויבן אַזעלכע רייד צו רעדן,
אַז זי איז געבליבן טויט ווי די וואַנט. יאָ, יאָ.

— הער נאָר דו, שיין מיידעלע,
וואָס טוסטו דיך אַזוי איבערנעמען?
דאָ איז נישט פאַראַן אַזעלכע וויטישע יינגלעך, (אָרנטלעכע)
וואָס מ'דאַרף זיך פאַר זיי צו שעמען. יאָ, יאָ.

ער האָט זי גענומען, ער איז מיט איר געגאַנגען,
אַרויס אויף די פּראַגער בריק,
טשעקאָלאַדעס מיט טשאַסטעס האָט ער איר געגעבן,
אויף די פּיקעטע האָט ער איר געשיקט. (אויף פאַרדינסט)

אויפגענומען בײַ חנה־אסתר ווײַסבראָד, וואַרשע



גנבים־ליד

דער יאָלד איז מיך מעקאַנע
דער יאָלד איז מיך מעקאַנע
דער יאָלד איז מיך מעקאַנע מיט מײַן לײַכט שטיקעלע ברויט
ער וויל פון גאָרנישט וויסן
אַז די קעשענע איז צעריסן
עס קומט אָן שווער ווי דער טויט.

מײַן מאַמע מיט מײַן טאַטע
זיי זענען געווען בלאַטע:
אַ רבילע איך זאָל ווערן דאָס איז זייער פאַרלאַנג
ביז דרײַצן יאָר כסדר
האָב איך געלערנט אין חדר
ביז דרײַצן יאָר האָב איך געקוועטשט די באַנק

אין דעם בין איך געזעסן
געטרונקען און געגעסן
מײַן מאַמעליו פלעגט מיר אונטערשטעקן אַ קליין ביסעלע געלט
געשטאָרבן איז דער טאַטע,
און באַלד נאָך דעם די מאַמע,
געבליבן בין איך עלנט אויף דער וועלט.

אַ ירושה האָב איך באַקומען
מיט אַנדערע מזומן
קאָרטן שפּילן און קאָלעגעס אַרײַנגעלאָזט זיך שטאַרק.
ס׳געלט האָב איך פאַרלוירן
אין קאָרטן אָנגעווירן
געבליבן בין איך ריין אָן אַ מאַרק. (דײַטשעס געלט)

קום איך אַרויס אין מאַרק
און פּאַק אַ גוטן טאַרג (האַנדל)
אַ מאַסעמאַטן פון דאָלאַרן האָט זיך מיר געמאַכט
קיקט אַף מיר אַ יענטע
און שיקט אָן אַף מיר אַ מענטע
מ׳נעמט מיך גלײַך און מ׳צינטעוועט מיך אײַן (אַרעסטירט)

אין טורמע בין איך געזעסן
און אַרויס געקוקט דורך די קראַטן
זומער זע איך רעגענס גיסן, ווינטער זע איך שניי,
אַלע מײַנע יאָרן
בין איך אין קיטש אָפּגעזעסן (טורמע)
און הײַנט טוט מיר אין יעדן אבר וויי.

אויפגענומען בײַ שרה מינץ, זאַמאָשטש 1917



אוי, באַלד וועל איך מײַן האַלדז אײַנציִען

אוי, באַלד וועל איך מײַן האַלדז אײַנציִען,
כ'וועל בלײַבן הענגען אַף אַ שטריק,
הערטס אויס, מײַנע אַלע גוטע ברידער, (ביס)
פון מיר יאָסל בענקאַרט אַ ליד.

אַזוי ווי כ'בין נאָר געבוירן געוואָרן,
בין איך געווען בײַ מײַנע עלטערן אין דער היים —
איז אַראָפּ אַף מיר פון גאָט אַ צאָרן: (ביס)
אַ גנב, אַ גנב זאָל איך זײַן.

אַזוי ווי כ'בין נאָר אַ גנב געוואָרן,
בין איך אַלט געווען צען אין עַלפטן יאָר,
אין די פינצטערע תפיסות האָב איך מיך אויפגעצויגן, (ביס)
כ'בין אַלט געוואָרן איין און צוואַנציק יאָר.

אין די פינסטערע תפיסות בין איך געזעסן,
צווישן קראַטן, צווישן אײַזערנע טיר,
אין דעם לעבעדיקן קבר בין איך געלעגן, (ביס)
די ליבע פרײַ — זי איז פאַרשטעלט פאַר מיר.

קאָנוואָיען מיט די בלאַנקע שווערדן —
דער עטאַפּ ער איז שוין פאַר מיר אָנגעגרייט:
דאָ נעמט מען מיך אָן בײַ מײַן טײַערע האַנט (ביס)
און מ'שליסט מיך ווי אַ הונט אַף דער קייט.

דער עטאַפּ — ער איז שוין אָפּגעפאָרן,
עטלעכע טעג דורך אַנאַנד,
וויפל צענערדיקע בריוו כ'האָב צו מײַנע עלטערן געטאָן שרײַבן, (ביס)
אַז איך בלײַב אַן אייביקער אַרעסטאַנט.

ווען כ'בין קיין סיביר אַרײַנגעקומען,
אַפּן פרײַען פעלד האָט מען מיך געלאָזט שטיין,
אוי, צום וואַנדערן האָב איך מיך גענומען (ביס)
ווײַל כ'בין געווען עלנט אַליין.

כ'בין מיט מזל קיין וואַרשע געקומען —
אַף דעם אומגליק האָב איך מיך גאָרנישט געראַכט (געריכט)
אין ביוראָ־שלעדסטווע האָט מען מיך אַרײַנגענומען (אויספאָרשונגס-אַמט)
אַ ספּראַווע אַף לינק האָט מען מיר געמאַכט.

אויפגענומען בײַ שמואל שטאַרק, וואַרשע 1907



הערט אויס, מענטשן

הערט אויס, מענטשן, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן,
גענשע איין און פופציק אין אַ שטיב, אין אַ שטיב!
אַרויפגעקומען איינער, לייבל דער פיינער, (ביס)
און האָט זיך אין בראָניען איַינגעליבט, איַינגעליבט.

זיי האָבן זיך געליבט אַ צײַט מיט אַ צײַט,
פון זייער ליבע האָט קיינער נישט געוווּסט, אוי, געוווּסט,
אין אַ פּראָסטן דאָנערשטיק איז לייבל געגאַנגען שפּאַצירן, (ביס)
אַף די טוואַרדע גאַס איז ער געוואָרן פאַרשיט, אוי, פאַרשיט.

„הער שוין אָף צו וויינען, „הער שוין אָף צו טרויערן,
דו מאַכסט דאָך אַף דײַן פּענימל אַ פלעק, אוי, אַ פלעק",
„פאַרוואָס זאָל איך נישט וויינען, פאַרוואָס זאָל איך נישט טרויערן?
מ'שיקט דאָך שוין לייבלען אַוועק, אוי, אַוועק".

אַזוי ווי לייבל איז אין זשאַנדאַרמעריע אַרײַנגעקומען,
מיט אַלע בעסטע ברידער האָט ער זיך געגעבן די הענט, אוי, די הענט,
איין בעסטער ברודער האָט ער געשווירן באַ זײַן פרײַ, (ביס)
אַז בראָניע האָט אַ צווייטן דערקענט, אוי, דערקענט.

ער ליגט זיך אַף זײַן נאַרע און ברעכט זיך זײַנע הענט,
גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט, אוי, נעכט,
גיט מען אַ געשריי: לייבל, ווסטאַווײַ! (שטיי אויף) (ביס)
בראָניע האָט וואַלוּוקעס געבראַכט, אוי, געבראַכט.

„איך עס נישט, איך טרינק נישט, איך שלאָף נישט גאַנצע נעכט,
בענקען בענק איך נאָר נאָך דיר, נאָר נאָך דיר,
דײַנע שוואַרצע אויגן האָבן מיך צוגעצויגן (ביס)
צו כל צרות האָסטו מיך געבראַכט, אוי, געבראַכט".

„איך עס נישט, איך טרינק נישט, איך שלאָף נישט גאַנצע נעכט,
בענקען בענק איך נאָר נאָך דיר, נאָר נאָך דיר,
כ'זאָל אַפילע וויסן מײַן לעבן צו פאַרשפּילן, (ביס)
חתונה האָבן מוז איך שוין מיט דיר, שוין מיט דיר".

אויפגענומען בײַ לאה יאַגאָדע, וואַרשע



אויף די טרעפּלעך

אַף די טרעפּלעך זענען מיר בײדע געזעסן,
דײנע אײגעלעך זענען געװען פאַרװײנט,
דער זײגער האָט שוין צװעלעװע געשלאָגן: (צוועלף)
פיר מיך, דושקעניו, אַהײם.

אַזוי ווי כ׳בין נאָר צום טיִער צוגעקומען,
דאָס פּאָרטקעלע איז געװען פאַרמאַכט,
אַף זײַן קװאַטירעלע האָט ער מיך גענומען,
און ער האָט מיך צו שאַנד געבראַכט.

דו ביסט דאָך אַ יינגעלע אַן אורקע, (א גנב)
כ׳קען דיך מסרן ס׳זאָל נעמען פון דיר אַן עק, —
לאָמיר בײדע אַ חופהלע שטעלן,
און לאָמיר בײדע קײן אַרגענטינע אַװעק.

אַזוי ווי כ׳בין נאָר קײן אַרגענטינע געקומען,
פאַר אַ פרויען־צימער האָט ער מיך געמאַכט, (גאַסן־פרוי)
אָפּגעצענטעװעט זאָלן װערן זײנע יאָרן (אָפּזיצן אין תפיסה)
װאָס האָט ער פון מיר אַ טעל געמאַכט.

אויפגענומען בײַ שמואל װאַרשאַװסקי, װאַרשע



אַ גנביש ליד פון װאַרשע

יאַך בין גיװען שומעראַנע
כ׳האָב גיהאַט אַ װיטישע כלה
זײ האָבן מאָך אָנגערעט
אַז יאַך זאָל גנבענען
אַ פּאַיאָ זיכט זײ אַלע.
אין דרויסן גײט אַ רעגן
אין דרויסן גײט אַ שנײ
אין יאַך טראָג עים די װאַלױװקעס
װינד איז מיִאָ און װײ.

פײגעלע מײַן לעבן, פײגעלע ניש װײַן
זאָלאָך פאָאָלן אין דער תפיסה
אויב יאַך אַנדערש מײַן.

יאַך בין אין זעקסטן חודש
טראָג אַ קינד אינטער מײַן ברוסט,
דער טאַטע שלאָגט מאָך, פלאָגט מאָך
אוי, װי האַלט מען דאָס אָאָס.
קומען װעט דער פרילינג
נעמען װעט אַ סוף
מיִאָ װעלן בײדע אַ חופה שטעלן
אין טאַקע באַ אַ רב.

אויפגענומען בײַ דאָרע עסטערזאָו, אַרגענטינע

* * *

גנבים־ליד

מײַן מאַמעלו האָט מיך געטראָגן,

געטראָגן און געזויגן,

מײַן מאַמעלו האָט מיך דערקענט:

אַ גנב אין מײַנע אויגן.

אַ גנב, אַ גנב איז דאָך

ביטער װי דער טויט!

ער גנבעט און ער גזלט —

און ער האָט נישט אַף קײן ברויט.

אויפגענומען בײַ לאה שליפּקע, קאַלושין 1908

* * *

אַנעקדאָטן און גלײַכװערטלעך

אַ מוטער איז געלאָפן אין װאַרשעװער גמינע און אָנגעטראָפן דעם ערשטן דאָזאָר און אים געבעטן, ער זאָל זען באַפרײַען איר טאָכטער, אַ סאָציאַליסטקע, װאָס איז אַרעסטירט. דער דאָזאָר האָט איר געזאָגט:

— אַ שײנע רײנע כפרה. אַזאַ מױד װי זי גיט זיך נישט אָפּ מיט אַזעלכע זאַכן.

האָט די מוטער געענטפערט דעם דאָזאָר:

— נו, װאָס זאָל איך טון, אַז כ'האָב אָנגעטראָפן אַף צװײ עקשנים, זי װיל נישט אַז ניקאָלײַ זאָל זײַן קײסער און ניקאָלײַ װיל דװקא יאָ זײַן קײסער.

פון די געשעענישן אין יאָר 1905

ס'האָט זיך אַ מוטער געבעטן בײַ אַ טאָכטער, װען מען איז געקומען זי אַרעסטירן:

— זע נאָר, שרה, װאָס װילסטו האָבן, װאָס אַרט עס דיך? לאָז ניקאָלײַ זײַן נאָך אַ יאָר קײַסער.

װען די גאַסן־רעװיזיעס זענען פאָרגעקומען אין 5טן יאָר, האָט פּאָליציי אָפּגעשטעלט אַ ייִד און אים געפרעגט אויף אַ פּאַספּאָרט, האָט דער ייִד געענטפערט:

— פּאָצאָ פּאַנו פּאַשפּאָרט, יעזשעלי יאַ יעסטעם.

אַ מײדל האָט זיך געמישט אין דער אַרבעטער־באַװעגונג און פלעגט אַלע מאָל אַהײמקומען שפּעט בײַ נאַכט. האָט די מוטער זי אײן מאָל געפרעגט:

— רבקה, װאָס װעט זײַן דער סוף, װאָס װעט זײַן דער תכלית, װאָס דו קומסט אַהײם אַזוי שפּעט בײַ נאַכט?

— זעסטו, מאַמע, מיקאָלקע ליגט מיר שוין דאָ! און זי האָט דערבײַ געװיזן אויפן האַלדז.

אַ פּאָטער װאָס האָט געהאַט אַן אײנציקע טאָכטער, װעלכע פלעגט אַהײמקומען שפּעט פון אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען, האָט זי אַ מאָל געפרעגט:

— טאָכטערשי, װאָס קומסטו אַזוי שפּעט? װוּ ביסטו? װאָס װעט זײַן דער תכלית? װאָס הײסט — די גײסט אַראָפּװאַרפן דעם קײַסער? מ'װעט דאָך דיך אַרעסטירן און אײַנזעצן אין ציצידעל (ציטאַדעל, װאַרשעװער פעסטונג).

האָט די טאָכטער געענטפערט:

— טאַטעשי, אײנס פון די בײדע, אָבער מײן טויט, אָבער זײַן טויט.

פון די צאַרישע צײַטן אין דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה:

גענעראַל אָקי
און גענעראַל קיראָקי
האָבן אײַנגענומען סטעסל
אי דאַלי מו פּאָ באָקי.

(דאָס איז געזונגען געװאָרן אין דער צײַט פון דעם רוסיש־יאַפּאַנישן קריג אין יאָר 1904).

פּ אַ ר אָ ד י ע ס

(אויף דער אַרבעטער־באַװעגונג פון יאָר 1905)

חברים און חברטעס,
גבאים און גבעטעס!
גרויסע יאַטן און קלײנע יאַטן
פאַראײניקט אײַך צום בלוטיקן קאַמף.

אויפגענומען בײַ הירש טײטעלבוים, װאַרשע

חברים יאַטן!

קלײנע יאַטן אַף בריטשקעס, גרויסע אַף פּלאַטפאָרמעס, קיקטס נאָר אָן די בעל־הביתטע װי גראָב זי איז, אַ ריִער אין איר טאַטנס טאַטן אַרײַן! ביז יעצט האָב איך גערעדט עקאָנאָמיש, יעצט גײ איך רעדן פּאָליטיש. װאָס דאַרפן מיר אַ קײַסער, אַ ריִער אין זאַן טאַטנס טאַטן אַראַן. די בורזשואַזיע דאַרף מען אַלע אָנ... אין פּיסק אַרײַן.

אויפגענומען בײַ כיל נײמאַן, װאַרשע

— — —

אַ רעדע פון שילעם לעצקי

(קײסער בײַ די אונטערװעלט־מענטשן)

(בשעת דעם אָנגריף װאָס די אַרבעטער האָבן געמאַכט אויף די „הײַזלעך" אין יאָר 1905)

חברים, יאַטן, קעשענע־גנבים, מאַטשאָרניקעס, קלײנע פּאַרדינערס, שאָפּענפּעלער, אַ ריך אין ענקער פּאָטער און מוטער אַרײַן!

אַזוי װי בײַ דעם יעצטיקן מאָמענט, װען די געבערעטע, יאָלדישע אַרבעטאָרערס האָבן זיך גענומען צו אונז אַזוי װי יאָסל נועז כמאַליעט אַרײַן זײַן נעקײװע סימעלע.

אַלזאָ חברים, אַ ריִער אין אײער געפײגערטע מוטער אַרײַן! און דעריבער זאָג איך ענק, אַז מיר זאָלן זיך צוזאַמען נעמען דאָ אָפּן בוגאַי (אַ גאַס אָפּן אַלטשטאָט אין װאַרשע, װוּ עס איז געװען אַ נעסט פון די אונטערװעלט־מענטשן) און מיר זאָלן זיך אַנטקעגנשטעלן יעדן פאַרזשאַװעטן אַרבעטאָרער, דער װאָס װעט דאָ אַהער קומען, דאַרף מען אַף שטיקער צעשנײדן, אַ ריִער אין זײער פּאָטער און מוטער אַרײַן!

אַלזאָ, פּײסעך בעקער און פײװל מאַטש און הערשל קאַטאָפּליאַזש און פוליע דרוטשאַרזש און מענדל טײמאַן און נאָטע דראָזשקאַרזש און יידל מאַזשעזשניק און מענדל קלײבער און װעלװל קראָװיאַרזש און נאַכמען נאַטשאַלניק און פײװל מערדער און לײבל בולק, און אויך די אַלע װאָס האָבן די נעקײװעס בײַ אונז, און די קלײנע מאַרװיכערס און די שאָפּענפּעלערס, זאָלן אַלע דאָ זײַן צוזאַמען און נישט לאָזן די אַרבעטאָרערס דאָ אַהער קומען.

עטק הערט, אַ ריִער אין ענקער פּאָטער און מוטער אַרײַן! טאָמער, עמיר זיך לאָזן פון זײ, װעט אונז אויסקומען צו װערן װיטישע, און צו לעבן װי די געטאַרכענטע יאָלדן מיט אַ פּערטל ברויט און אַ לאַפּ הערינג.

אַלזאָ, עטק האָט געהערט, װאָס מ'האָט צי ענק גערעדט, אַ ריִער אין ענקער פּאָטער און מוטער אַרײַן!

אויפגענומען בײַ שלמה קאָרן, װאַרשע

דרשה פון מגיד אין דער ליטווישער שיל, נאַלעווקי 39

מורי ורבותי!

די גרויסקייט פון אונדזער תורה איז גאָרניסט אויסצודערציילן, דאָס איז אַ זאַמיעצאַטעלנע אַמוניציע, מיט וועלכער מיר נעמען איַין די וועלט. צו וואָס דאַרפן מיר באָמבעס, צו וואָס גראַנאַטן, אַז צום ערסטן פיַיערפראָנט האָט אונדז דער רעבוינע־סעל־אוילעם געגעבן דריי גרויסע סראַפּנעלן: „באָבע קאַמע", „באָבע מעציִע" און „באָבע באַסרע", וועלכע זיינען מסוגל צו ספּאַסאַיען די וועלט פון אַן אונטערגאַנג. טראַכט זיך נאָר, רבותי, אַריין אין ענין און עס וועט אייך ווערן יאַסנע. די וועלט לעבט אין איין טויטסרעק, באַאַסער מ'האָט כסדר מורא פאַר אַ מלחמה. וואָס איז אַזוינס מלחמה? מלחמה זנאַציט אַז צוויי מלכים האָבן זיך אָנגעבלאָזן און איינגעספּאַרט. איינער טענהט, אַז די גאַנצע לאַנד געהער אים און דער אַנדערער טענהט, אַז די גאַנצע לאַנד געהער נאָר אים, קען מען צווישן זיך ניט אַדורכקומען און מען פאַרגיסט בלוט. קומט צו גיין „באָבע מעציִע" און זאָגט: „סנאַיִם אויכזין בעטאַליס", ווען צוויי אַמפּערן זיך איבער אַ לאַנד, יעדער טענהט, קולע סעלי! אַז די גאַנצע לאַנד געהער נאָר אים און ניט דעם צווייטן, מוז מען געפינען אַ וויכאָד, אַז ביידע צדדים זאָלן זיין צופרידן, ד"ה ויחלקו — דיר ביז אַהער — מיר ביז אַהין, און ס'וועט זיין סאָלעם אַף דער וועלט, און אויב עס איז פאַראַן גאָר אַ גרויסער ספּאָר, וואָס לאָזט זיך ניסט רעסן אויפן אָרט, איז אויך ניסט קיין אומגליק. צו וואָס זיך איַילן און דערפירן כאַסוועסאָלעם צו סעפיכאַס דאָמים, זאָל מען עס בעסער אָפּלייגן אַף ספּעטער. יעהיי מונעך אַד סעיאָווע אייליהו. ווייטער וויסן מיר, אַז ווען צוויי מלכים פאַרנעמען אַ פרעמדע לאַנד און ווילן דאָרט אויפבויען אייגענע אוצרעזשדעניעס, ברעכט ס'ראָב אויס אַ מחלוקה, אי די מלכים אַמפּערן זיך, אי דער באַזיגטער נאַראָד בונטעוועט זיך. קומט צו גיין די „באָבע באַסרע" און זאָגט, אַז מען דאַרף זיך דורכוים רעכענען מיטן ווילן פון נאַראָד און גאָר ניסט טאָן כנגד זיַין רצון. אַזוי אַרום וועלן די מלכים זיך אומזיסט ניט אָפּעסן די האַרץ און דער נאַראָד וועט זיך ניסט בונטעווען...

צונעמענישן וועגן וואַרשעווער

וואַרשעווער נאַראָנים
וואַרשעווער נאַשערס
וואַרשעווער פליאַדערס
וואַרשעווער פריַיערס
וואַרשעווער פרעסערס
וואַרשעווער קעלבער
וואַרשעווער שאַכערס
וואָליער לאַטקעס
וואָליער פשעקופקעס
וואָליער פויערים
וואַרשעווער אינדיקעס
וואַרשעווער גנבים

וואַרשעווער הולטיַיעס
וואַרשעווער זשוליקעס
וואַרשעווער זויפערס
וואַרשעווער טאַשן־ציִער
וואַרשעווער פיפקעס
וואַרשעווער יאַכנעס (יאַך)
וואַרשעווער לאָך (למשל קינדאָלאָך)
פראַגער אָקסן
פראַגער חזרים
פראַגער פערד־גנבים.

— — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

ווערטלעך וועגן וואַרשע

1. אַ וואַרשעווער איז נאָר קלוג ביז די ראָגאַטקע.
2. דריַי וואָכן הינטער וואַרשע.
3. וואָס הערט מען אין וואַרשע? די וויַיסל ברענט.
4. פראָווענצער גנבים.

אַזוי האָבן גערופן די וואַרשעווער די איינוווינער
פון קליינע שטעטלעך.

פּערזענלעכקייטן

שרײַבערס, און געזעלשאַפטלעכע טוערס וואָס האָבן געווירקט אין וואַרשע.

דאָס רוב דאַטעס זענען גענומען פון „לעקסיקאָן פון דער ייִדישער ליטעראַטור" פון זלמן רייזען.
אַ סך נעמען וואָס זענען נישט אַרײַן, וועלן קומען אין צווייטן באַנד „פּנקס וואַרשע".

●

אַטלאַס אליעזר (1851—1904)

העברעיִשער שרײַבער, געבוירן אין ליטע, געלעבט אין וואַרשע. געהערט צו דער קאָנסערוואַטיוו־אָרטאָדאָקסישער ריכטונג, זיך פאַרנומען מיט דער קריטיק פון השכלה־שרײַבערס, געווען אַ קעגנער פון ציוניזם, געהערט די לעצטע יאָרן צו די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסן (לשכה השחורה).

אײַזנבוים אַנטאָן (1791—1852)

ייִדישער פּעדאַגאָג און שרײַבער, געבוירן אין וואַרשע, געהערט צו דער גרופּע ייִדישע משכּילים אין פּוילן, פון דער ערשטער העלפט 19טן י"ה (אברהם שטערן, יעקב טוגנדהאָלד א"אַ). אין אַ מעמאָראַנדום צום קייסער אַלעקסאַנדער דעם ערשטן האָט ער אַנטוויקלט זײַנע אידעען ווי אַזוי צו רעפאָרמירן דאָס ייִדישע לעבן. סוף 1823 הייבט ער אָן אַרויסגעבן אויף דײַטשמערישן ייִדיש און אויף פּויליש די צײַטונג „דער באָאָבאַכטער אַן דער ווייכסעל”. זי האָט אָבער קיין דערפאָלג נישט געהאַט און נישט געקוקט אויף דער סובסידיע פון דער רעגירונג געמוזט אין אַ יאָר אַרום פאַרמאַכן זיך. אין די קרייזן פון דער פּוילישער אינטעליגענץ און אין דער פּוילישער פּרעסע האָט ער פאַרטיידיקט די פאָדערונג פון דער ייִדישער עמאַנציפּאַציע און אַסימילאַציע, לויט זײַן איניציאַטיוו איז אין 1826 געגרינדעט געוואָרן די וואַרשעווער ראַבינער־שול, וווּ אײַזנבוים איז תּחילת געווען אינספּעקטאָר, און פון 1835 — דירעקטאָר ביז זײַן טויט. די ראַבינער־שול איז געוואָרן דער הויפּטפאַרשפּרייטער פון אויפקלערונג און אַסימילאַציע אין פּוילן אין משך פון כּמעט 4 יאָרצענדליקער.

אָרגעלבראַנד שמואל (1810—1868)

באַקאַנטער פאַרלעגער, געבוירן און געלעבט אין וואַרשע, אַרויסגעגעבן איבער 250 ייִדישע און נישט־ייִדישע ביכער, צוזאַמען 500 בענד. צווישן די ייִדישע אויסגאַבעס פאַרנעמט דעם ערשטן פּלאַץ די אויסגאַבע פון תּלמוד־בבלי. אָרגעלבראַנד איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויסע ענציקלאָפּעדיע אין פּויליש Encyklopedia Powszechna אין 28 בענד. דער לעצטער באַנד איז אַרויס אין יאָר 1868.

אַלמי א. (1892)

פּסעוודאָנים פון ייִדישן דיכטער און עסייִסט אליה חיים שעפּס, געבוירן אין וואַרשע אין אַ פאַמיליע פון אָרעמע בעלי־מלאכות. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר, שפּעטער זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג, אַרומגעוואַנדערט איבער דײַטשלאַנד, עסטרײַך, האָלאַנד, בעלגיע. 1012 אַוועק קיין ניו־יאָרק, וווּ ער פאַרנעמט זיך מיט ליטעראַרישער און זשורנאַליסטישער טעטיקייט. באַטייליקט זיך אין די פאַרשידנסטע ייִדישע צײַטשריפטן פון פּוילן און אַמעריקע.

באָרנשטיין חיים יחיאל (1845—1928)

העברעיִשער שריפטשטעלער און כראָנאָלאָג. 1885 איז ער געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע אין וואַרשע, אויף דער עלטער אין גאַנצן בלינד געוואָרן. באָרנשטיין האָט זיך פאַרנומען דער עיקר מיט די פּראָבלעמען פון ייִדישער כראָנאָלאָגיע אין ייִדישן לוח. פון זײַנע גרעסערע אָפּהאַנדלונגען זענען באַקאַנט „מחלוקת ר' סעדיה גאון ובן מאיר”, „סדרי הזמנים והתפּתחותם בישראל”, „תאריכי ישראל” א"אַ. האָט איבערגעזעצט שעקספּירס האַמלעט אויף העברעיִש.

בירנבוים מרדכי (1877—1934)

פּעדאַגאָג, אין 90ער יאָרן זיך באַזעצט אין וואַרשע. געגרינדעט דעם פאַרלאַג „מעשהלעך”, אַרויסגעגעבן ייִדישע לייענביכלעך פאַר ייִנגערע און עלטערע קינדער. צוזאַמענגעשטעלט לערנביכער פאַר דער נײַער שול. 1907 גיט ער אַרויס אַ „כריסטאָמאַטיע פאַר דערוואַקסענע”, אַ „פּראַקטישע ייִדישע גראַמאַטיק”, 2 טיילן „נאַטורוויסנשאַפט”, 2 טיילן „געאָגראַפיע”, 2 טיילן „אַלגעמיינע געשיכטע”, 2 טיילן „ייִדישע געשיכטע”. האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ייִדישן פרעמדווערטער־בוך, זיך באַטייליקט אין די ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן.

בערנשטיין יצחק (איגנאַץ) (1836—1908)

געבוירן אין פּאָדאָליע 1856, זיך באַזעצט אין וואַרשע, זאַמלער פון פאָלקלאָר. זײַן פאָלקלאָר־ביבליאָטעק האָט ער פאַרן טויט אָפּגעשריבן די קראָקאָווער אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפטן (700 ביכער און מאַנוסקריפּטן), אַרויסגעגעבן אַן אויסגאַבע פון ייִדישן פאָלקלאָר א"נ „ייִדישע שפּריכווערטער און רעדנאַרטן”. אין זײַן באַנד א"נ „דעם ייִדישן פאָלק געווידמעט” גייען אַרײַן 3.993 שפּריכווערטער און רעדנאַרטן. געווען גרינדער און הויפּט־טוער פון דער ביבליאָטעק בײַ דער וואַרשעווער סינאַגאָגע. געשטאָרבן אין בריסל.

באַלאַבאַן מאיר שמואל (1943—1877)

געבוירן אין לעמבערג, אומגעקומען אין ווארשעווער געטאָ אין 1943, געווען דירעקטאָר פון ראבינער־סעמינאר „תחכמוני" אין ווארשע, דאָצענט פאר יִדישער געשיכטע אין ווארשעווער אוניווערסיטעט, פּראָפעסאָר פון דער „פרײַער פּוילישער הויכשול" און שפּעטער פּראָפעסאָר און רעקטאָר פונעם יודאַיִסטישן אינסטיטוט אין ווארשע.

באלאבאן האָט געהערט צו די סאמע פּראָדוקטיווסטע יִדישע היסטאָריקער, האָט געשריבן אין פּויליש, דײַטש, יִדיש, צום טייל אויך אין העברעיִש.

נאָך אין 1903 אָנגעהויבן סיסטעמאטיש צו באארבעטן די געשיכטע פון יִדן אין פּוילן. זינט דעמאָלט פארעפנטלעכט עטלעכע הונדערט ארבעטן, צווישן זיי א ריי גרויסע מאָנאָגראפיעס.

א. ברעסלער

געבוירן אין שטויבץ, ווייסרוסלאנד, געוווינט די גאנצע צײַט אין ווארשע. געהאט די ערשטע און גרעסטע לײַ־ביבליאָטעק אין ווארשע אין די צארישע צײַטן און אויך צווישן ביידע וועלט־מלחמות. ארויסגעגעבן אין ווארשע מיט א. קאָטיק פּאָפּולער־וויסנשאפטלעכע ביכלעך, איבערגעזעצט ה. ט. באָקלס: „די געשיכטע און ציוויליזאציע אין ענגלאנד", ווארשע 1895, פּאוולאָוויטשעס „ווי האָבן מענטשן געלעבט מיט אייניקע טויזנט יאָר צוריק", צוזאמען מיט א. קאָטיק 1896, פּ. שטרייסלערס „די מענטשלעכע אנטוויקלונג" קולטור־געשיכטע פ"ג פּראָגרעס 1901, „באָקלס" ערצעלונגען וועגן ווילדע מענטשן": 1895 „ארבעט און קאפּיטאל" 1895, „יוסף פּערל" זיין ביאָגראפיע, ליטערארישע און אלגעמיינע ארבעט פ"ג פּראָגרעס 1901, געשריבן די ביאָגראפיע פון פּרץ סמאָלענסקי, וועגן „ראָבערט אָווען" זײַן לעבן און געזעלשאפטלעכע טעטיקייט, פ"ג „די פּראָלעטארישע וועלט" ווארשע 1907, פארעפנטלעכט אונטערן פּסעוודאָנים א. יצחקי פּובליציסטישע ארטיקלען אין „הצפירה", און א. רייזנס יאָר־בוך „פּראָגרעס" און בראָשורן "וואָס דארף מען און וואָס קאָן מען טאָן", און „וועגן ציוניזם" א"א.

ביכאָווסקי שניאור זלמן (1865)

געבוירן אין קאָרעץ, וואָלין. געענדיקט דאָקטער מעדיצין אין ווארשע. געווען אָרדינאטאָר אין קריסטלעכן שפּיטאָל אין פּראגע־ווארשע. געשריבן אין דער פּוילישער פּרעסע וועגן ציוניזם. זײַנע ארטיקלען אין יִדיש געדרוקט אין „מאָמענט", „הײַנט". איז געווען א מיטגליד אין פארשידענע וויסנשאפטלעכע געזעלשאפטן אין ווארשע און אין אויסלאנד, גרינדער פון א מעדיצינישן סעמינאר אין ווארשע צו פאָרשן דעם פיזישן און פּסיכישן מצב פון יִדן. געווען זינט 1923 לאווניק אין ווארשעווער מאגיסטראט און ראטמאן אין דער ווארשעווער קהילה.

ביבער שלמה (1875)

געבוירן אין אָסטראָוו, וואָלין. 1894 געקומען קיין ווארשע, קאָרעספּאָנדירט אין רוסישע און אין רוסיש־יִדישע צײַטשריפטן. יִדיש אָנגעהויבן צו שרײַבן אין דעם אומלעגאלן אָרגאן פון דער יִדישער סעקציע פון פּפּ"ס „דער ארבייטער", אויך געארבעט אין דער יִדישער טאָגפּרעסע, ווי „דער וועג", „דער טעלעגראף". זינט 1908 נאכט־רעדאקטאָר. צו ערשט אין „אונדזער לעבן", דאן אין „פרײַנד" אין ווארשע, און צו לעצט געשריבן פּובליציסטישע ארטיקלען, באריכטן, צײַטונגס־ראָמאנען אין „מאָמענט". געשטאָרבן אין ווארשע אין 1932.

בוקסבוים נתן (1890)

געבוירן אין לעמבערג, פּאָליטישער טוער און זשורנאליסט, איינער פון די אָנפירער פון דער פּ"צ־פּארטיי, צוערשט אין מזרח־גאליציע און שפּעטער אין ווארשע. געווען ראטמאן אין ווארשעווער שטאָט־ראט, מיטרעדאקטאָר פון דער „ארבעטער־צײַטונג" (וואָכנשריפט פון די לינקע פּ"צ), געווען מיטגליד אין אויספיר־ביוראָ פון דער צענטראלער יִדישער שול־אָרגאניזאציע (צישאָ) כמעט במשך פון דער גאנצער צײַט פון איר עקסיסטענץ. אומגעקומען אין 1944 אין ווארשעווער געטאָ.

באַשעוויס יצחק (1904)

פּסעוודאָנים פון יצחק זינגער, געבוירן אין לעאָנטשין, פּוילן. דעביוטירט אין 1935 אין דער ווארשעווער וואָכנשריפט „ליטערארישע בלעטער" נומער 60, געדרוקט דערציילונגען אין העברעיִש אין ווארשעווער „היום", מיטגעארבעט ווי א זשורנאליסט אין דער ווארשעווער יִדישער פּרעסע און אין „ווארשעווער שריפטן" (1927—1926), פון 1935 געפינט ער זיך אין אמעריקע, ווו ער געהערט צו די ליטערארישע זײַלן פון געלן „פּאָרווערטס".

בזשעזינסקי אהרן (1940—1890)

געבוירן אין ווארשע בײַ פרומע יִדישע עלטערן. זײַן פאָטער, ר' ישראל, א חסידישער יִד, וואָס האָט געהאט אין ווארשע א קרעמל פון פּאָדעם, האָט אים געגעבן א טראדיציאָנעל־יִדישע דערציִונג.

ער איז זייער פרי מיטגעריסן געוואָרן פונעם רעוואָלוציאָנערן שטראָם אין צארישן רוסלאנד. מיט חסידישער התלהבות האָט ער געקעמפט אין די אנארכיסטישע רייען אין אמאָליקן רוסלאנד און באצאָלט דערפאר מיט תפיסות.

קיין פּאריז איז ער געקומען נאָך פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָט דאָ שטודירט אין דער קונסט־אקאדעמיע סקולפּטור. ער האָט דערבײַ אָבער נישט אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירן מיט סאָציאלע פּראָבלעמען, מיט יִדישע און אלגעמיינע ענינים.

בײַם אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער געפאָרן קיין לאָנדאָן ווו ער איז געווען טעטיק אין דער אנארכיסטישער באוועגונג.

בײַם אויסבראָך פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז ער צוזאמען מיט די ערשטע פּאָליטישע עמיגראנטן געפאָרן קיין רוסלאנד. עטלעכע יאָר שפּעטער איז ער צוריקגעקומען קיין פּאריז, פארברענגענדיק צו ערשט א שטיקל צײַט בײַ זײַנע עלטערן אין ווארשע. אין פּאריז האָט ער זיך גענומען ווײַטער שטודירן אין דער קונסט־אקאדעמיע סקולפּטור, האָט זיך אינטערעסירט מיטן יִדישן און אל־

געמיינעם לעבן, געווען סעקרעטאַר פון „פאַרבאַנד פון די ייִדישע קינסטלער".

בכדי צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט, פלעגט ער אַרויסנעמען אַ געוויסע צײַט, פון אַ וועלכער פאַריזער מעבל־פאַבריק, שניצערײַ־אַרבעט. בײַ דער דאָזיקער אַרבעט האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך בקיאות און געשמאַק.

ער איז געווען זייער מוזיקאַליש און פלעגט אויך געבן לעקציעס פון פידל־שפילן. צו זײַנע תלמידים האָט אויך געהערט מאַרסעל שטערן, דער יונגער טאַלאַנטירטער פידלער.

יאָרנלאַנג האָט ער געוווינט אין אַ ד' אמות־שטיבעלע, וואָס האָט זיך געפונען אויף נומער 5, רי דע וואַלאַנס, אָן גאַז און אָן עלעקטריש ליכט.

דאָס טישל מיטן נאַפטלאָמפ לעבן אײַזערנעם בעטל איז געווען בײַ אים תמיד באַליגט מיט ביכער, צײַטונגען... און אַ סך איבערגעבליבענע רעשטן פון אויסגערויכערטע פאַפיראָסן. ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע ביבליאָטעק מיט ווערק וועגן סקולפטאָר, מאָלערײַ, געשיכטע, פילאָסאָפיע, ייִדישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור, אין ייִדיש, פראַנצויזיש און ענגליש, האָט זייער אַ סך געלייענט און נאָך מער געטראַכט. האָט תמיד געלעבט אין דחקות און אָרעמקייט, זײַן גאַנצע טעגלעכע דערנערונג איז כמעט שטענדיק באַשטאַנען פון אַ גלעזל שוואַרצע קאַווע און אַ פראַנצויזיש בייגעלע. אין זײַן מאַטעריעלער אָרעמקייט איז ער געווען זייער שטאָלץ, נישט גערעדט קיין מאָל וועגן זיך און נישט וועגן זײַן דלות.

אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן האָט ער זיך אַריבערגעקליבן אין אַ גרעסערער אַטעליע אויף נומער 14 פאַסאַזש וויקטאָר מאַרשאַן, האָט געשאַפן אַ גאַנצע ריי קינסטלערישע סקולפטור־אַרבעטן, פון וועלכע עס זענען איבערגעבליבן די ביוסטן פון רוסיש־ייִדישן אַנאַרכיסט סאַשאַ שאַפיראָ, פון דוויד בן גוריון און פון דער ישראל־סקולפטאָרין בתיה לישאַנסקי.

פון יאָר 1932 אָן האָט אהרן בזשעזינסקי אויך אָנגעהויבן צו שרײַבן. ער האָט פאַרעפנטלעכט אינטערעסאַנטע עסייען וועגן קונסט, וועגן דער אַלטער מצרישער קונסט, וועגן האָנאָרע דאָמיע און וועגן אַנדערע באַרימטע פראַנצויזישע מײַסטערס, אין דער טעגלעכער צײַטונג „דער טאָג" וואָס איז דעמאָלט דערשינען אין פאַריז אונטער דער רעדאַקציע פון נח פרילוצקי. געשריבן האָט ער אין אַ זייער אָנגענעמען, שפילעוודיקן סטיל. האָט שפעטער אויך מיטגעאַרבעט אין דער לאָנדאָנער ייִדישער וואָכן־צײַטונג „דאָס פרײַע וואָרט", אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר י. נ. שטיינבערג.

אין מאַרץ 1939 האָט בזשעזינסקי אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן צוזאַמען מיט אַ גרופע חברים אַ צײַטונג „די פרײַע טריבונע", אַן אָרגאַן פאַר ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפטלעכער קריטיק, ווּ ער איז געווען רעדאַקטאָר.

דער קינסטלער און שרײַבער אהרן בזשעזינסקי, וואָס איז געווען פאָפולער אין ייִדישן פאַריז, האָט די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן געליטן פון אַ שווערער האַרצקראַנקהייט. מיט דער דאָזיקער האַרצקראַנקהייט האָט ער זיך אַרומגעדרייט אין די ערשטע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין פאַריז און דעם 7טן יאַנואַר 1940 איז ער געשטאָרבן.

וועגן זײַן לעבן און שאַפן האָט נאָך זײַן טויט געשריבן וו. וויעוויאָרקאַ אין פאַריזער „הײַנט".

אַרויסגענומען אין אַ געקירצטער פאָרעם פון בוך
„אונדזערע פאַרפייניקטע קינסטלער", פון הערש
פענסטער, פאַריז 1951.

גראָסגליק שלמה (1861)

געבוירן אין וואַרשע. זײַנע ערשטע זאַכן זיך געדרוקט אין „העברי", „המליץ", „הצפירה", זיך אויך באַטייליקט אין פוילישע צײַטשריפטן, יאָרן לאַנג געאַרבעט אין דער ייִדישער גמינע אין וואַרשע, געשטאַנען נאָענט צו די אַסימילאַטאָרן. אונטער דער ווירקונג פון י. ל. פרץ, מיט וועמען ער האָט צוזאַמען געאַרבעט אין דער גמינע, פלעגט ער פון צײַט צו צײַט אויך שרײַבן ייִדיש, האָט איבערגעזעצט וו. אָקאָנסקיס „חוה רובין", אויך קלעמענס יונאָשאַס „דער דאָרפסשנײַדער".

גלאַטשטיין הלל (הילאַרי)

מיטאַרבעטער אין דעם ערשטן פויליש־ייִדישן אָרגאַן Jutrzenka. אַרויסגעבער פון דער צײַטשריפט אין ייִדיש „וואַרשויער יודישע צײַטונג", וואָס האָט עקסיסטירט אין יאָר 1867.

גאָלדבערג אברהם

געבוירן אין בריסק־דליטא. אָנגעהויבן זײַן זשורנאַליסטישע טעטיקייט מיט אַרטיקלען אין „חצפירה" און „המליץ" אין וואַרשע, רעדאַקטירט די קאָפיקע־צײַטונגען „מאָרגנבלאַט" און „לעצטע פאָסט", געווען מיטאַרבעטער און צײַטנווײַז אויך רעדאַקטאָר פון „הײַנט", געווען וואַרשעווער קאָרעספאָנדענט פון ניו־יאָרקער „טאָג" און לאָנדאָנער „צײַט", איבערגעזעצט אויף ייִדיש אָסיפ דימאָווס דראַמע „שמע ישראל" און פ. לאַסאַלס בראָשור „וואָס איז אַזוינס די קאָנסטיטוציע?" געשטאָרבן אין וואַרשע אין 1932.

גילבערט שלמה (1885—1943)

געבוירן אין ראַדזימין, וואַרשעווער געגנט. זינט 1907 פאַרעפנטלעכט סקיצן און נאָוועלעס אין פאַרשידענע וואַרשעווער צײַטשריפטן: „ראָמאַן־צײַטונג", „הײַנט", „אונדזער לעבן", „דער פרײַנד" א"אַ. עטלעכע יאָר געווען דערווײַטערט פון דער ליטעראַטור. שפעטער באַנײַט זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט, אָנגעשריבן אַ דראַמאַטישע פאָעמע אין 3 אַקטן „משיחס טריט" (פ"ג קולטור־ליגע, וואַרשע 1924) אין בוכפאָרעם, אַ באַנד „נאָוועלן" (אַרויסגעגעבן דורכן ליטעראַטור־פאָנד בײַם פאַראיין פון ייִדישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע, 1922). ער האָט געלעבט די גאַנצע צײַט אין וואַרשע און אויך אין אָטוואָצק. אין 1943 איז אָנגעקומען די ידיעה וועגן זײַן טויט.

גראַפמאַן א. (1891)

געבוירן אין יאַדאָוו, וואַרשעווער געגנט, געענדיקט אַ מיטלשול אין וואַרשע. ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין 1910 מיט לידער און סקיצן אין ייִדישע צײַטונגען אין וואַרשע. זינט 1912 שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „מאָמענט". אַרויסגעגעבן זמ"ב „פריהלינג", „גאָלדענע שטראַהלען", „אין שווערע צײַטן", 1921—1922 רעדאַקטירט אַן אומפאַרטײיִש פאָלקיסטיש וואָכנבלאַט „די אידישע טריבונע". זינט דעצעמבער 1924 רעדאַקטאָר פון דער „אילוסטרירטער וואָך" — אַ פאָפולערער זשורנאַל מיט אַ טיראַזש פון אַ פאָר צענדליק טויזנט. אין בוכפאָרעם אַ זאַמלונג לידער „זאַנגען", וואַרשע 1921. נאָך 1939 פאַרשווּנדן.

דינעזאָן יעקב (1919—1856)

געבוירן אין קאָוונער געגנט אין אַ יחוסדיקער פאַמיליע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל ייִדישע דערציונג, ביז 16 יאָר געלערנט אין דער ישיבה אין מאָהילעוו, דערנאָך געלערנט פאַר זיך אין בית־מדרש. אין יענער צייט זיך באַקאַנט מיט דער השכלה־ליטעראַטור און אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן בריוו און אַרטיקלען אין „המגיד", „המליץ". שוין דעמאָלט געווען אַן אָנהענגער פון דער ייִדישער שפראַך אַלס מיטל אויפצוקלערן די ייִדישע פאָלקסמאַסן, האָט אָנגעשריבן דעם ערשטן גרויסן ראָמאַן „בעין אבות", איז אָבער נישט געדרוקט געוואָרן איבער דער צענזור. באַלד אָנגעשריבן זיין צווייטן ראָמאַן „דער שוואַרצער יונגערמאַנטשיק", ווילנע 1877, וואָס איז דורך אַ קורצער צייט פאַרקויפט געוואָרן אין איבער 10.000 עקזעמפליאַרן און שפעטער אָפט איבערגעדרוקט געוואָרן אין די טויזנטער. אין יענער צײַט האָט ער איבערגעלעבט אַ שווערע טראַגעדיע, אַן אומגליקלעכע ליבע צו זיינס אַ שילערין הורוויץ. דער דאָזיקער ערשטער און לעצטער ליבע איז ער טריי געבליבן און קיין מאָל נישט חתונה געהאַט. אַ געוויסע צײַט געווען צוריקגעצויגן פון דער ליטעראַטור. סוף 1885 זיך באַזעצט אין וואַרשע און הייבט ווידער אָן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, און שרײַבט אָן זיין ראָמאַן „אבן נגף אָדער אַ שטיין אין וועג", ווילנע 1890, זיין דריטער גרויסער ראָמאַן „הערשעלע" ווערט געדרוקט אין וואַרשע 1891. מיט אַ פאָר יאָר פריִער 1887 באַקאַנט ער זיך מיט י. ל. פרץ, און די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט איז באַלד אַריבער אין אַן אינטימער פריינדשאַפט, וואָס האָט אויסגעפילט זיין גאַנץ לעבן. אַ גרויסן רושם האָט געמאַכט זיין קינדער־דערציילונג „יאָסעלע" וואַרשע 1899.

זײַן צימערל, וווּ ער האָט אָפגעלעבט יאָרן לאַנג, איז געווען אַ ליטעראַרישער צענטער. נאָך פרצעס טויט האָט ער זיך אין גאַנצן אָפגעגעבן מיט דער אַרבעט וואָס פרץ האָט אָנגעהויבן, מיט די ייִדישע קינדערהיימען און שולן. ער האָט איבערגעלאָזט אַ גאַנצע ריי ווערק וואָס זענען נאָך ביז היינט נישט פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

דאַווידזאָן נח (1928—1877)

געבוירן אין וואַרשע, עלטסטער זון פון דעם באַוווּסטן כלל־טוער און פרנס פון דער וואַרשעווער קהילה, ר' לייבוש דאַווידזאָן, אוראייניקל פון וואַרשעווער אייבער־רב, ר' חיים דאַווידזאָן. צוגעשטאַנען צו דער ציוניסטישער באַוועגונג אַלס סטודענט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, רעדאַקטאָר פון דער ערשטער ציוניסטישער צייטשריפט אין פויליש Glos Zydowski, סעקרעטאַר פון 7טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין האַאַג, מיטאַרבעטער אין רוסישע צייטונגען, אויך אין „פריינד", „מאָמענט", „היינט". געווען אויך אין איין פעריאָד פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע. אין בוכפאָרם: „די ייִדישע גמינע אין וואַרשע", 1912.

הירשהאָרן שמואל (1876)

געבוירן אין סלאָנים. צו 13 יאָר זיך באַזעצט אין וואַרשע, און געענדיקט אַ האַנדלסשול. אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט אין די פוילישע פראָגרעסיווע זשורנאַלן. 1903 אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אין פויליש וועגן ציוניזם, 1906 הויפט־מיטאַרבעטער פון „מאָריאַ" (אין פויליש), אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט נ. שוואַלבע אַ וואָכנבלאַט „אָפיניאַ זשידאָווסקאַ", שפעטער אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין דער ייִדישער פרעסע, צו ערשט אין וואַרשעווער „טאָגעבלאַט" און שפעטער אין „מאָמענט". געווען איינער פון די גרינדערס פון „נאַש דזשיענניק", „נאַש פשעגלאָנד". אין 1921 אַרויסגעגעבן אין פ"ג לעווין־עפשטיין „אַנטאָלאָגיאַ פאָעזי זשידאָווסקיי", געווען מיטגרינדער פון דער ייִדישער פאָלקספאַרטיי, אין 1916 אויסגעקליבן געוואָרן אַלס דעפוטאַט אין סיים און אין וואַרשעווער שטאָטראַט. אומגעבראַכט פון די נאַציס אין 1943 אין וואַרשעווער געטאָ.

הורוויץ דוויד הלוי (1858)

געבוירן אין קיעווער גובערניע. פון 1894 אין וואַרשע. פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין „הצפירה", „המליץ" און אין „ספעקטאָרס „הויז־פריינד", אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם: „כורת דבש או מאה שו"ת בחכמות הטבע" וואַרשע 1889, „ספר המילים זשאַרגאָני־עברי" ייִדישער לשון־קודשער ווערטער־בוך, וואַרשע 1893.

וועבער מיכל (1907—1859)

געבוירן אין וואָרקע, וואַרשעווער געגנט. 1883 געקומען קיין וואַרשע, געווען אַ לערער אין אַ גמינעשול, פון 1886 שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „הצפירה", פאָפולער־וויסנשאַפטלעכע אָפהאַנדלונגען אויך געשריבן אין „האסיף" אַנד'. אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי ביכער אין העברעיש און אין ייִדיש. נאַטור־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען געדרוקט אין ייִדיש אין „הויז־פריינד", „יוד", „ייִדישע פאַמיליע" א"אַנד.

ד"ר זילבערפאַרב משה (1934)

געבוירן אין ראָוונע, וואָלין. ביז 14 יאָר געלערנט ש"ס און פוסקים. 1896 אַוועק אין זשיטאָמיר, געענדיקט גימנאַזיע, שטודירט כעמיע אין קיִעווער פאָליטעכנישן אינסטיטוט און מעדיצין אין בערלינער אוניווערסיטעט, צום סוף דעם יורידישן פאַקולטעט אין קיִעוו, באַקומען דעם דאָקטאָר־טיטל אין בערנער אוניווערסיטעט. 1903 געגרינדעט די גרופע „וואָזראָזשדעניע". 1906 האָט זיך די גרופע פאַרוואַנדלט אין דער ייִדישער סאָציאַליסטישער פאַרטיי (סיימיסטן, ס"סאָווצעס), מיטבאַטייליקט זיך אין די פאַרטיי־אויסגאַבעס, 1907 אַרעסטירט אין פעטערבורג, 1908 געווען אַרעסטירט אין וויטעבסק, און פאַרשיקט אויף 3 יאָר, געווען מיניסטער פאַר „ייִדישע נאַציאָנאַלע ענינים" אין פעטלוראַס רעגירונג, אין 1918 דעמיסיאָנירט פון מיניסטער־פאָסטן. 1919 אַוועק פון דער ס"סישער פאַרטיי. געווען אין זעלבן יאָר דירעקטאָר פון ייִדישן פאָלקס־אוניווערסיטעט אין קיִעוו. 1921 געקומען קיין וואַרשע, געווען פאָרזיצער פון צ"ק. פאַר פוילן פון „אָרט", אויך אַ געוויסע צײַט פון ייִדישן ליטעראַטן פאַראיין אין וואַרשע, און פון פאַרלאַג „קולטור־ליגע". געווען אויך טעטיק אין דער שול־אָרגאַניזאַציע „צישאָ". זײַן ליטעראַרישער און פאַרטייִשער פסעוודאָנים איז געווען באַזין. געשטאָרבן אין וואַרשע אין 1934.

א. ליטוואַק - חיים העלפאַנד

(1932—1874)

וועמענס ריכטיקער נאָמען איז געווען חיים יעקב העלפאַנד, איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין 1874, ווּ ר'האָט באַקומען אַ רעליגיעזע דערציִונג אין חדרים און ישיבות. צו די 18 יאָר ווערט ער אַ ייִדישער לערער אויף די דערפער, אָבער אין 1893 קערט ער זיך אום קיין ווילנע, ווּ ער טרעט אין גיכן אַרײַן אין קרײַז פון די ייִדישע סאָציאַליסטן און הייבט אויך אָן ווערן טעטיק ליטעראַריש. ער שיקט זײַנע זאַכן פרצן פאַר די „יום טוב-בלעטלעך", און ווען אויף פּינסקים איניציאַטיוו ווערט געגרינדעט דער „זשאַרגאָנישער קאָמיטעט" מיטן ציל אַרויסצוגעבן און פאַרשפּרייטן פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור פאַר ייִדישע אַרבעטער, גיט טאַקע דער דאָזיקער קאָמיטעט אַרויס ליטוואַקס „ווינטער-אָוונטן" אונטערן פּסעוודאָנים „חיה זעלדעס". די דאָזיקע פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע שמועסן האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, און דער פאַרלאַג „פּראָגרעס" האָט זיי 6 מאָל איבערגעדרוקט. דער דאָזיקער גרויסער נאָכפרעג איז געווען צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט וואָס ביז דער ערשטער מלחמה איז דאָס פּאָפּולערע לערנביכל באַנוצט געוואָרן אין די אָוונטשולן פאַר אַרבעטער. דעם צווייטן טייל פון די „ווינטער-אָוונטן" האָט ליטוואַק אָנגעשריבן אין דער ווילנער טורמע פאַר פּאָליטישע, ווּ ר'איז געזעסן פון יוני 1896 ביז מײַ 1897 און דערנאָך ווערט ער אַרויסגעשיקט אַדמיניסטראַטיוו קיין קאַטערינאָסלאַוו. אין פעברואַר 1902 — נאָך דעם ווי ער איז שוין 6 מאָל געזעסן אין תפיסה, און אויף דער פרײַ כסדר געווען אונטער פּאָליציייִשע אויפזיכט — ווערט ער ענדלעך פאַרשיקט קיין סיביר, פון וואַנען ער קערט זיך אום ערשט סוף 1904. איצט איז ער טעטיק אין דווינסקער צ"ק פון בונד און רעדאַגירט צוזאַמען מיט אָלגינען „די אַרבעטער-שטימע". אין 1905 טרעפן מיר אים שוין אין וואַרשע, ווּ ער רעדאַגירט אין יענע פרײַהייטטעג 8 נומערן פון דעם לעגאַלן „וואַרשעווער אַרבעטער" און דערנאָך 4 נומערן פון דעם אומלעגאַלן „דער גלאָק". שפּעטער באַטייליקט ער זיך אין ווילנער „וועקער" און אין דער „פאָלקס-צײַטונג". אין יאָר 1909, ווען ש. ראָזנפעלד פאָרט אָפּ קיין נאָרד-אַמעריקע, פאַרנעמט ליטוואַק זײַן אָרט אין פעטערבורג אַלס רעדאַקטאָר פון „פרײַנד". אין 1910 איז ער שוין צוריק אין וואַרשע און שרײַבט פאַרן זעלבן „פרײַנד" פּובליציסטישע און ליטעראַרישע אַרטיקלען. צוליב פּאָליטישע סיבות מוז ער פאַרלאָזן וואַרשע און וווינט שוין איצט אין מערב-אייראָפּע ביז ער פאָרט אָפּ אין יאָר 1915 קיין נאָרד-אַמעריקע. דאָרט רעדאַגירט ער דעם אָרגאַן „די נײַע וועלט" פון דער „ייִדישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע אין אַמעריקע" און צוזאַמען מיט י. ב. סאַלוצקין רעדאַקטירט ער דאָס אילוסטרירטע זאַמלבוך „דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד", אַרויסגעגעבן פון „צענטראַל-פאַרבאַנד בונד" אין יאָר 1917.

נאָך דער מאַרץ-רעוואָלוציע קערט זיך ליטוואַק אום קיין רוסלאַנד, ווּ ער ווערט אויסגעוויילט אין צ"ק פון בונד. ער ווערט אויך ראַטמאַן פון דער מינסקער קהילה און צוזאַמען מיט אסתרן רעדאַקטירט ער דעם „וועקער". נאָך דעם ווי די דײַטשן אָקופּירן מינסק, טראָגט ער זיך איבער קיין אוקראַיִנע און ווערט אויסגעוויילט אין קיִעוו אַלס דעפּוטאַט פון דער „צײַטווײַליקער נאַצ' ייִדישער פאַרזאַמלונג".

ליטוואַק איז טעטיק אין דער ייִדישער קולטור-באַוועגונג, פאַרפאַסט דעם מאַניפעסט פון דער קולטור-ליגע אין אוקראַיִנע, רעדאַקטירט איר ביולעטין אין יאָר 1918 און איז אויך מיטגליד פון דער רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע פאַר דער געפּלאַנטער ייִדישער ענציקלאָפּעדיע. אין 1919 איז ער פאַרוואַלטער פון דער ייִדישער סעקציע פון ליטעראַריש-פאַרלעגערישן ביוראָ „ליטקאָם" (אוקראַיִנישער ליטעראַרישער קאָמיטעט) און מיטרעדאַקטאָר פון חודש-זשורנאַל „באַגינען", ווי אויך פון דעם „רויטן פנקס" (זאַמלבוך צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג און סאָציאַליסטישע שטרעמונגען בײַ ייִדן, קיִעוו 1920). ער רעדאַקטירט אויך די קיִעווער צײַטשריפט „די האָפענונג" (מאַרץ 1920) און קורץ נאָך דעם פאַרלאָזט ער רוסלאַנד.

זינט דער שפּאַלטונג פון בונד, ווען ליטוואַק האָט זיך געשטעלט אין שפּיץ פון עקסטרעם רעכטן פליגל, האָט ער זיך כמעט בלויז אָפּגעגעבן מיט ליטעראַרישער טעטיקייט און דאָס האָט ער אויך געטאָן נאָכן אומקערן זיך קיין פּוילן. אין ווילנע רעדאַגירט ער דאָס בונדישע וואָכנבלאַט „אונדזער געדאַנק" און אין וואַרשע איז ער מיטרעדאַקטאָר פון דער „ביכער-וועלט" און פון חודש-זשורנאַל „קולטור" (אַרויסגעגעבן דורך דער „קולטור-ליגע", וואַרשע 1922). ליטוואַק רעדאַגירט אויך דאָס צווייטע זאַמלבוך „דער רויטער פנקס" (דערשינען אין 1924) און אין 1925 שרײַבט ער אויך אין דער וואַרשעווער „פאָלקס-צײַטונג", אָבער בלויז אויף ליטעראַרישע טעמעס. ליטוואַק ווערט אין וואַרשע און אויך אויף דער פּראָווינץ איינער פון די פּאָפּולערסטע ייִדישע לעקטאָרן אויף די פאַרשידנסטע

נאָך אין 1925 פאָרט ער אָפּ קיין נאָרד-אַמעריקע, ווּ ער אַרבעט מיט אין דעם אָרגאַן פון „ייִדישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד", „דער וועקער" און גלײַכצײַטיק פאָרט ער אַרום איבער אַלע שטעט פון לאַנד, ווּ ער גיט רעפעראַטן אויף ליטעראַרישע און פּאָליטישע טעמעס.

אין 1926 האָט דער קלעצקין-פאַרלאַג אַרויסגעגעבן ליטוואַקס בוך „וואָס געווען". „עטיודן און זכרונות. געשטאָרבן אין ניו-יאָרק אין 1932.

לעוו יצחק (1891)

געבוירן אין וואַרשע אַלס זון פון אַ משכיל, אַ העברעיִשן לערער. געלערנט אין אַ חדר מתוקן, אין דער וואַרשעווער האַנדלסשול און אַ געוויסע צײַט געווען אַ פרײַער צוהערער אין ווינער אוניווערסיטעט. זשורנאַליסטישע טעטיקייט אָנגעהויבן 1914 אין דעם ערשטן לעגאַלן ייִדישן אָרגאַן „דער האַנדלס-אָנגעשטעלטער", אין פעטערבורגער „דאָס פרײַע וואָרט" 1914, ווי אויך אין דעם טאָגבלאַט „דאָס לעבן" (געוו' „פרײַנד"), אין דער אָפּטיילונג פאַר פּוילן. אַלס איינער פון די אָנגעזעענסטע פירערס פון די לינקע פּ"צ אין פּוילן, זיך באַטייליקט אין אַלע זייערע אָרגאַנען פאַר די לעצטע יאָרן, געווען רעדאַקציאָנעלער מיטאַרבעטער פון „דער אַרבעטער-צײַטונג", רעדאַקטירט דעם „אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוו-ביולעטין" 1921, „די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג" 1919—1920 און „די פּראָלעטאַרישע קאָאָפּעראַציע" 1923. געשריבן אַ"פּ אויף פּאָליטישע טעמעס און איבער ענינים פון פּראָפעסיאָנעלער און קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. בײַם אויסבראָך פון דער צווייטער מלחמה געלאָפן פון פּוילן צו גלײַך מיט אַלע, געוואַנדערט דורך פאַרשידענע וועגן, ביז ער איז אָנגעקומען קיין ישראל, ווּ ער איז געווען טעטיק אין דער מפּם-באַוועגונג ביזן טויט. אין מאָנאַט נאָוועמבער באַזוכט בוענאָס-איירעס אַלס גאַסט פון די לינקער פּ"צ אין אַרגענטינע און אויך פון זײַן שוועסטער רחל לעוו-מאַטשידלאָווער וואָס געפינט זיך אין אַרגענטינע. געשטאָרבן אין ישראל אין 1954.

ד״ר לעווין גרשון

(1939—1868)

געבוירן אין לובלין, וווּ זײַן פאָטער, ר׳ גבריאל זעליק איז געווען אייבערחזן אין דער גרויסער מהרש״ל־שיל. ביז 15 יאָר געלערנט אין חדר, דער הויפט תנך און אויך גמרא, דאַן אין משך פון צוויי יאָר זיך צוגעגרייט אַלס עקסטערן צום 7טן קלאַס גימנאַזיע. נאָכן ענדיקן אין 1895 דעם מעדיצינישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט, געוואָרן אַסיסטענט אין דער אינערלעכער אָפטיילונג פון יִדישן שפיטאָל אין וואַרשע און זינט 1903 אָרדינאַטאָר פון שפיטאָל. האָט מיטגעמאַכט אַלס דאָקטער די רוסיש־יאַפאַנישע מלחמה און די ערשטע וועלט־מלחמה. נאָך אַלס סטודענט זיך נאָענט פאַראינטערעסירט מיט דער העברעיִשער און יִדישער ליטעראַטור. ער האָט דעביוטירט מיט אַ סקיצע „אַ שמועס אויף דער באַן" אין י. ל. פרצעס „יִדישע ביבליאָטעק" 1891, דערנאָך זיך באַטייליקט אין די איבעריקע אויסגאַבעס פרצעס, אין „יוד", „פריינד", „וועג", „טעלעגראַף", „צײַט", „אונדזער לעבן", אויך אין די העברעיִשע „הצפירה" און „הצופה". און די לעצטע יאָרן אין „הײַנט", וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט ביז הונדערט דערציילונגען, נאָוועלעס און פעליעטאָנען, אויך א״פ גרשון בן גבריאל און אידעלע האַרצוויטיק. אַחוץ זייער פיל פאָפולערע מעדיציניש־היגיענישע אַרטיקלען, געשריבן אויך אַ גאַנצע רײַ מעדיצינישע אַרטיקלען אין פויליש (צ״אַ „מציצה ווי איינע פון די סיבות וואָס רופן אַרויס טובערקולאָז און לונגענשווינדזוכט בײַ יִדן"), רעדאַקטירט אַ היגיענישע אָפטיילונג אין העברעיִש א״ט „כי היום היינו" (פרעמיע צו הצפירה 1897.

אין בוכפאָרם פאַרעפנטלעכט: „שווינדזוכט" (פ״ג ב. שימין וואַרשע 1911), און פאַרלאַג „יהודיה" וואַרשע: „פרץ — אַ ביסל זכרונות" (1919, מיט בילדער), „אין וועלט־קריג" — איינדרוקן און זכרונות פון זײַנע איבערלעבונגען ווי מיליטער־דאָקטער אין רוסלאַנד, מיזרח־גאַליציע, בוקאָווינע און רומעניע (1923 וואַרשע), „פון די אַלטע גוטע צײַטן" — אַ רייזע אויף דער כאָליערע 1925 (אַ בוך זכרונות, ווערטפול מיט דער שילדערונג פון דעם אַלטן יִדישן לעבנס־שטייגער אין לובלין, פון דער יִדישער סטודענטנשאַפט מיט אַ 30 צוריק אאַז״וו, דורכגעדרונגען מיט אַ גוטמוטיקער איראָניע, טייל מאָל מיט סאַטירישע שילדערונגען אין נוסח פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין), „די היגיענע בײַ יִדן אַ מאָל און הײַנט" (1924 וואַרשע), „לונגען שווינדזוכט איז היילבאַר" (1925 וואַרשע), אין כתב־יד אַ בוך „אָבערגלויבן אין דער מעדיצין", וווּ ער שטעלט זיך באַזונדערס אָפ אויף די יִדישע זאַבאָבאָנעס.

גענומען אַ נאָענטן אָנטייל אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין וואַרשע, געווען ערשטער פאָרזיצער פון „הזמיר", פאָרזיצער פון דעם יובילײ־קאָמיטעט פאַר שלום־עליכמען, פאָרזיצער פון דער „געזעלשאַפט צו פאַרשפרייטן קונסט צווישן יִדן", פאָרזיצער פון דער ספאָרט־געזעלשאַפט „בר־כוכבא", פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט „אָפצוהיטן דאָס געזונט בײַ דער יִדישער באַפעלקערונג" (טאָז) און פאָרזיצער פון דער געזעלשאַפט „אוקסיליום אַקאַדעמיקום יודאַיקום".

געווען אין באַזונדערס נאָענטע באַציִונגען מיט פרצן, דינעזאָנען, ש״ע, דוויד פרישמאַן, אַנסקין א״אַנ און פאַרעפנטלעכט וועגן זיי אַרטיקלען־זכרונות (זײַנע זכרונות וועגן ש״ע 1908—1914, געדרוקט אין אַמעריקע צום 10טן יאָרצײַט פון גרויסן הומאָריסט).

ער איז געשטאָרבן אין וואַרשע אין יאָר 1939 אין סאַמע אָנהייב פון דער דײַטשער אָקופאַציע.

יעקב לידסקי

יעקב לידסקי איז געבוירן געוואָרן אין סלאָנים אין יאָר 1868, אָבער זײַנע יוגנטיאָרן, האָט ער פאַרבראַכט אין מאָסקווע, וווּ ער האָט אַרויסגעהאָלפן דעם פאָטער אין זײַן באַשעפטיקונג אַלס סופר און מוכר־ספרימניק. יעקב לידסקי האָט געלערנט אין חדר און דערנאָך אין אַ ישובה, אָבער נאָכן גירוש מאָסקווע האָט ער געפרוווט זיך אײַנאָרדענען אין מינסק פון וואַנען ער איז אין גיכן אָפגעפאָרן קיין נאָרד־אַמעריקע. אין טשיקאַגאָ הייבט ער זיך אָן צו פאַרנעמען מיט פאַרלעגערישער אַרבעט, אָבער עס ציט אים צוריק קיין אייראָפע. אין 1899 טרעפן מיר אים שוין אין וואַרשע, וווּ ער ווערט דער פאַרמיטלער פון די נאָרד־אַמעריקאַנער יִדישע אויסגאַבעס פאַר דעם יִדישן ביכערמאַרק אין פוילן און רוסלאַנד.

שטייענדיק נאָענט צו די ראַדיקאַלע קרײַזן, האָט ער אויך מיטגעהאָלפן די יִדישע רעוואָלוציאָנערן צו טראַנספאָרטירן סאָציאַליסטישע ליטעראַטור פון אויסלאַנד.

אַרום 1900 גרינדעט ער דעם פאַרלאַג „פראָגרעס", וואָס איז געווען דער ערשטער מאָדערנער יִדישער פאַרלאַג. אויסער פאָפולער־וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבעס — אָריגינעלע און איבערגעזעצטע — האָט לידסקיס פאַרלאַג אויך אַרויסגעגעבן די ווערק פון אברהם רייזען, וואָס איז געווען דער הויפט־מיטאַרבעטער פון „פראָגרעס" אין די ערשטע יאָרן פון זײַן עקסיסטענץ, ווי אויך פון שלום אַש און אַנדערע. דער פאַרלאַג האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט באַלד נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, ווען דער אינטערעס צו דער יִדישער ליטעראַטור און דער נאָכפרעג אויפן יִדישן בוך איז באַזונדער שטאַרק אויסגעוואַקסן.

אין יאָר 1911 איז געשאַפן געוואָרן דער סינדיקאַט פון די יִדישע און העברעיִשע פאַרלעגערס אונטערן נאָמען „צענטראַל", אין וועלכן עס האָבן זיך פאַראייניקט די פאַרלאַגן „פראָגרעס", „תושיה" און „השחר" און זינט דאַן איז לידסקיס פאַרלעגערישע טעטיקייט געווען פאַרבונדן מיט „צענטראַל".

בעת דער דײַטשער אָקופאַציע אין דער ערשטער מלחמה, האָט לידסקי געגרינדעט דעם נײַעם פאַרלאַג „יִדיש", וואָס איז דאַן געווען דער טעטיקסטער פון אַלע יִדישע פאַרלאַגן. דאָרט זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן עטלעכע צענדליק גרעסערע ווערק, איבער הויפט איבערזעצונגען. שפעטער האָט לידסקי צוזאַמען מיט בן־אביגדור שאַלקאָוויטש (פון פאַרלאַג „תושיה") איבערגענומען די אַלטע פירמע ראָזענקראַנץ און שריפטזעצער אין ווילנע, און באַזוכנדיק די דאָזיקע שטאָט אין די אינטערעסן פון דער נײַער אונטערנעמונג, איז ער קראַנק געוואָרן און דאָרט געשטאָרבן דעם ערשטן יוני 1921.

שמואל לעהמאַן (1886)

געבוירן אין וואַרשע. צו 4 יאָר געבליבן אַ יתום, דערצויגן געוואָרן בייַ אַ פעטער אין אַ חסידיש־גבירישער פאַמיליע. ביז 10 יאָר געלערנט אין חדר. דאַן אין דער היים בייַ אַ ליטווישן מלמד. נאָך בר־מצווה אָנגעקומען אַלס אָנגעשטעלטער אין אַ טיולגעשעפט. שפעטער אַריבער צום מאַנופאַקטור־האַנדל און גאָר די לעצטער צייַט צו דער האָלצבראַנזשע. אין דער צייַט פון דער באַוועגונג אַרייַנגעצויגן אין דער אַרבעט אויפן פראָפעסיאָנעל־פּאָליטישן געביט. געווען איינער פון די גרינדער פון „גראָסער־קלוב” אין וואַרשע און פון דער גרויסער ייִדישער אַרבעטער־ביבליאָטעק.

זינט 1902 זיך פאַראינטערעסירט מיטן ייִדישן פאָלקלאָר, אָנגעהויבן צו פאַרשרייַבן ווערטלעך, שפריכווערטלעך, לידער פון הייפזינגער־בעטלער. 1910 באַזוכט איבער 50 שטעט און שטעטלעך, זאַמלענדיק די פראָדוקטן פון דער ייִדישער פאָלקסשאַפונג. געקומען אין באַרירונג מיט די ברייטסטע פאָלקסמאַסן ביז די נידעריקסטע שיכטן, נישט אָפשטעלנדיק זיך פאַר קיין שום מניעות אין דער שווערער אַרבעט אַרויסצובאַקומען פון דעם פאָלקסמענטש די פאָלקלאָריסטישע אוצרות. פון זייַנע זאַמלונגען ביז אַהער פאַרעפנטלעכט: „ווערטער, שפריכווערטער, וועגן שטעט און שטעטלעך, וואַריאַנטן פון פורים־קידוש”, באַלאַדן, אַרבעט און פרייַהייט — אַ זאַמלונג לידער וואָס זענען אַנטשטאַנען אין פאָלק בשעת דער פרייַהייטס־באַוועגונג אין צאַרישן רוסלאַנד. פון דער אייראָפעיִשער מלחמה „אייַנדרוקן, ווערטלעך, אַנעקדאָטן, לעגענדעס און מעשיות פון דער לעצטער מלחמה, גנבים און גנבישע לידער. „די קינדער־וועלט” ציילעניש און שפילן מיט די נאָטן, „טריפהנע סחורה” וואַריאַנטן פון אַ פורים־שפיל מיט די נאָטן, ליבע־לידער פון גנבים.

אַ טייל פון זייַנע זאַמלונגען געפינען זיך אין „פנקס וואַרשע”, צווישן פאָלקלאָר.

געשטאָרבן אין וואַרשעווער געטאָ אין 1940.

מילך יעקב

געבוירן געוואָרן אין וואַרשע אין יאָר 1866 און האָט זיך אויפגעצויגן אין אַ פרומער מתנגדישער משפחה. ביז 11 יאָר האָט ער געלערנט אין חדר גמרא און פוסקים און געשמט פאַר אַן עילוי. דערנאָך איז ער אָבער געוואָרן אַ וואָרקער חסיד און געלערנט קבלה און חסידות. צו 12 יאָר שטאַרבט זייַן פאָטער און די אלמנה מוז אים אָפגעבן צו אַ בעל־מלאכה, בייַ וועלכן ער לערנט זיך אַלס שניצער. צו 15 יאָר פאַלט ער אַרונטער אונטער דער השפעה פון דער השכלה אַ דאַנק דעם באַקאַנטן וואַרשעווער משכיל שמואל גרויקאָף און ער נעמט זיך דאַן צו דער העברעיִשער ליטעראַטור. אין יאָר 1891 פאָרט ער אָף קיין ניו־יאָרק, ווו ער ווערט אַ שניצער־אַרבעטער און אין עטלעכע יאָר אַרום ווערט ער אַ שאָקאָלאַד־פאַברי־ יאָר 1891 פאָרט ער אָף קיין ניו־יאָרק, ווו ער ווערט אַ שניצער־אַר־ אַלס סעקרעטאַר פון די „פאַראייניקטע ייִדישע געווערקשאַפטן”, וואָס אָרגאַניזירן דאַן צוליבן גרויסן קריזיס אין אַמעריקע דעם „רעליעף־קאָמיטעט פאַר ייִדישע אַרבעטער”.

זייַן ליטעראַרישע טעטיקייט הייבט מילך אָן אין 1891 מיט אַ סאַטירע אויף די אַנאַרכיסטן ,וואָס ר'האָט פאַרעפנטלעכט אין דער „אַרבעטער־צייַטונג” אונטערן נאָמען: „גוואַלד, לאָזט מאַכן די רעוואָלוציע!” אין דער זעלבער צייַטונג פאַרעפנטלעכט ער וועכנטלעכע אַרטיקלען איבער צייטפראַגעס און פעליעטאָנען אונטערן אַלגעמיינעם טיטל „געדאַנקען פון אַ פראָסטאַק”. אונטערן פסעוודאָנים בן־פלטיאל פאָפולאַריזירט ער די ווערט־טעאָריע פון קאַרל מאַרקס. ער באַטייליקט זיך אויך אין „פאָרווערטס” און איבער הויפט אין דער צייַטשריפט „די צוקונפט”, פון וועלכער ער איז געווען אַ לאַנגע צייט הויפט־מיטאַרבעטער און פון 1907 אָן אויך רעדאַקטאָר. אין דאָזיקן זשורנאַל פאַרעפנטלעכט ער אָפהאַנדלונגען וועגן מאַרקסיזם, טעריטאָריאַליזם און אויך קריטישע אַרטיקלען וועגן שרייַבער.

י. מילך איז אויך מיטאַרבעטער אין אויסגאַבעס פון רוסלאַנד און פוילן, ווי אין אָרגאַן פון די פפ”ס „די פראָלעטאַרישע וועלט”, ווי אויך אין „די ייִדישע וועלט” און גלייַכצייַטיק פאַרעפנטלעכט ער אויך אַרבעטן אין ענגליש. ער מאַכט וויכטיקע איבערזעצונגען ווי פרץ סמאָלענסקיס „קבורת חמור”, וואָס אין ייִדיש הייסט עס בייַ אים „באַגראָבן ביים פאַרקן” (יאָר 1891), גערהאַרד הויפטמאַנס דראַמע „די וועבער” (וואַרשע 1906) און אַנדערע. אַלס פלטיאל פאַרעפנטלעכט ער די אַרבעטן: „אַמעריקע — דער ייִדישער צענטער פון דער וועלט”, „רעליגיע, ציוניזם און ייִדישיזם”, „די באַוועגונגען פון ייִדישן פראָלעטאַריאַט”, „רעאַקציאָנערע שטרעמונגען אין ייִדישן לעבן” — אַ בייַשטייערונג צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער קולטור אין אַמעריקע”, „אימיגראַציע־פראָבלעמען”, „פעלקערקאַמף, ייִדנקאַמף און קלאַסנקאַמף”, אַ זאַמלונג „פון וואַנען שטאַמט רעליגיע?” און אַנדערע עסייען („קאַרל מאַרקס”, „סאָציאַליזם”, „מאַטעריאַליסטישע ליטעראַטור־קריטיק”, „סאַנין און פרייַע ליבע”) און האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אונטערן נאָמען „סאָציאַליזם, מלחמה און נאַציאָנאַליזם”.

אין בוכפאָרם זענען אויך דערשינען זיינע „ייִדישע פראָבלעמען”, אַן איבערזעצונג פון „פלאַטאָנס דיאַלאָגן”, זייַנע זכרונות וועגן דער אַנטשטייונג פון „פאָרווערטס” און אַ מאַרקסיסטישע אָפהאַנדלונג וועגן ביראָבידזשאַן.

י. מילך, דער פיאָנער פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין נאָרד־אַמעריקע און איינער פון די באַדייַטנדיקסטע וואָרטזאָגערס פון דער דאָרטיקער ייִדישער אַרבעטער־פרעסע, איז אויך דער פיאָנער פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. אין זייַן אַלזייַטיקער שאַפונג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער חודשלעכער „צוקונפט”, אין דער וועכנטלעכער „אַרבעטער־צייטונג” און אין טעגלעכן „אַבענד־בלאַט”, האָט ער אויך געשריבן אָפהאַנדלונגען וועגן ייִדישע שרייבערס און צווישן דעם אַ גרעסערע אַרבעט וועגן י. ל. פרצן, וועמען ער שטעלט העכער פון מענדעלען און שלום־עליכמען.

אין די שפעטערדיקע יאָרן האָט יעקב מילך זיך אָפגעגעבן מיט היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישע פאָרשונגען פון דער ייִדישער געשיכטע און ר'האָט אויך רעווידירט יהואשס תנך־איבערזעצונג, ווו ער האָט געפונען אַ סך פעלערן און זיי קאָרעגירט, פון וואָס „ס'האָט געקריגן דעם אויסזען פון אַ נייַער תנך־איבערזעצונג” (קלמן מרמר).

שוין אויף דער עלטער האָט ער מיטגעאַרבעט אין „איקאָר”, אין „איקוף” און אין דער „מאָרגן־פרייהייט”. ער האָט זיך באַטייליקט אויף די זיצונגען פון איקוף־פרעזידיום און פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון זשורנאַל „ייִדישע קולטור”. ער האָט געהאַלטן לעקציעס פאַר איקאָר־אָרגאַניזאַציעס, איקוף־קלובן, צווייַגן פון ייִדישן פראַטערנאַלן פאָלקס־אָרדן, אינעם ייִדישן לערן־אינסטיטוט (געוועזענעם ייִדישן אַרבעטער־אוניווערסיטעט) און אַנדערע.

זײַנע אינטערעסאַנטע „אויטאָביאָגראַפישע סקיצן" האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער „מאָרגן־פרייהייט". אַ באַזונדערן ווערט האָבן זײַנע זכרונות פון די בויערס און שאַפערס פון דער אַמעריקאַנער יִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דער יִדישער קולטור און פון דער יִדישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

יעקב מילך איז געווען אַקטיוו און שעפעריש ביז זיין טויט, וואָס איז געשען דעם 18טן אויגוסט 1945.

וואָלאַדימיר מעדעם

(1923—1879)

וואָלאַדימיר מעדעם איז באַלד נאָך זיין געבורט אין ליבאַווע, אָפּגעשמדט געוואָרן דורך זײַן פאָטער, וואָס איז געווען אַ מיליטערישער דאָקטאָר אין מינסק און איז אַליין ווייטער געבליבן אַ יִיד ביז עטלעכע חדשים פאַרן טויט, ווען ר'האָט אָנגענומען דעם פּראָטעסטאַנטיזם. דער זון איז אָבער אויפגעצויגן געוואָרן אַלס פּראַוואָסלאַוונער און איז אפילו אַלס יִינגל געווען שטאַרק פרום. ווי מעדעם האָט געענדיקט די גימנאַזיע אין מינסק און דערנאָך איז ער אַרײַנגעטרעטן אין קיִעווער אוניווערסיטעט אויף מעדיצין, אָבער אַ יאָר שפּעטער וואַרפט ער זיך איבער אויפן יורידישן פאַקולטעט. אַלס סטודענט באַקענט ער זיך מיט דער סאָציאַליסטישער לערע און הייבט אָן שטודירן פּאָליטישע עקאָנאָמיע. מעדעם באַטייליקט זיך אין ערשטן פּאָליטישן שטרײַק פון די רוסישע סטודענטן אין יאָר 1899, צוליב וואָס ער ווערט אויסגעשלאָסן פון אוניווערסיטעט, זיצט עטלעכע וואָכן אין קיִעווער טורמע און ווערט דערנאָך אַרויסגעשיקט קיין מינסק. דאָ דערנענטערט ער זיך צו דער יִדישער אַרבעטער־באַוועגונג און אין 1900 טרעט ער אַרײַן אין דער מינסקער בונד־אָרגאַניזאַציע.

אונטערן נאָמען מאַרק און וויניצקי פירט ער אָן סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן יִדישע און קריסטלעכע אַרבעטער. זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט הייבט ער אָן מיטן אָנשרײַבן אַ פּראָקלאַמאַציע צום 1טן מײַ 1900 פאַר די קריסטלעכע אַרבעטער און דערנאָך שרײַבט ער שוין אַרטיקלען פאַר „דעם וועקער" — אָרגאַן פון דעם „בערשטער־בונד" און אויך פאַר „דעם מינסקער אַרבעטער". מעדעם לערנט פלײַסיק יִדיש און ווערט אַלץ היימישער אין דער יִדישער סביבה. אין יאָר 1901 ווערט מעדעם אַרעסטירט אין מינסק און דאַן האָט ער זיך שוין פאַרשריבן אַלס יִיד. עטלעכע חדשים זיצט ער אין מאָסקווער טורמע און דערנאָך ווערט ער פאַרשיקט קיין מזרח־סיביר אויף 5 יאָר. ס'געלונגט אים אָבער צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד און ער באַזעצט זיך אין בערן, ווו ער פאַרשרײַבט זיך אויפן פילאָסאָפישן פאַקולטעט. ער שליסט זיך דאָרט אָן אין דער בונדישער גרופּע און ווערט פּאָפּולער אַלס אַ גוטער רעדנער אויף פאַרזאַמלונגען. אין יאָר 1903 ווערט מעדעם באַשטימט אַלס מיטגליד פון אויסלענדישן קאָמיטעט פון בונד און באַזעצט זיך צוליב דעם אין גענף. דאָרט פאַרעפנטלעכט ער אין „וויעסטניק בונדאַ" — אָרגאַן פון בונד אין רוסיש — 2 אַרטיקלען וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע, וואָס דערשײַנט דערנאָך אויך אין יִדיש אין אַ בראָשור פאָרעם אונטערן נאָמען: „די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און די נאַציאָנאַלע פראַגע" (1906), ווו עס ווערט פאָרמולירט דער בונדישער „נייטראַליזם", וואָס איז דאַן באַטראַכט געוואָרן ווי דער אני־מאמין פון בונד אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

אויפן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער רסדאַ"פּ, וואָס איז פאָרגעקומען אין בריסל — לאָנדאָן אין די חדשים יולי־אויגוסט פון 1903, האָט זיך אויך באַטייליקט אַלס דעלעגאַט וואָלאַדימיר מעדעם. ס'איז דאַן געשטאַנען די פראַגע וועגן די באַציִונגען צווישן בונד און דער רוסלענדישער פּאַרטיי, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיטן בונדס אַרויסטריט פון דער רסדאַ"פּ.

אין נאָוועמבער 1905 קערט זיך מעדעם אום קיין רוסלאַנד און ווערט אין ווילנע מיטרעדאַקטאָר פון בונדישן אָרגאַן אין רוסיש „נאַשע סלאָוואָ". ער ווערט אויך אויסגעוויילט אין צ"ק פון דער פּאַרטיי און באַטייליקט זיך אין אַ ריי צוזאַמענפאָרן אין אויסלאַנד, ווי אויך אין קאָנגרעס פון דער רוסישער אַרבעטס־פּאַרטיי („טרודאָוויקעס"). דערנאָך אַרבעט מעדעם מיט אין דער „פאָלקס־צײַטונג" אין ווילנע און, ווען זי פאַרמאַכט זיך, ווערט ער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דעם „מאָרגנשטערן". דערנאָך פאָרט ער קיין פּעטערבורג, ווו ער אַרבעט אַלס טעכנישער רעדאַקטאָר בײַ דער אויסגאַבע פון רוסישן זאַמלבוך „די פאָרמען פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג", פאַר וועלכן ער האָט אָנגעשריבן דעם אַרטיקל וועגן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד. ער באַטייליקט זיך אויך אַלס רעדנער אין דער וואַל־קאַמפּאַניע צו דער צווייטער דומע און קורץ נאָך דעם פאַרלאָזט ער רוסלאַנד.

ווידער איז ער אין גענף, ווו ער לעבט פון ליטעראַרישער אַרבעט, וואָס ער שיקט צו די זשורנאַלן: „יעווריעיסקאָיע אָבאָזריעניע", „וויעסטניק יעווראָפּי" און שרײַבט אויך אין „פרייַנד". נאָך 1912 באַזעצט ער זיך אין ווין, ווו ר'איז קאָרעספּאָנדענט פון רוסישע צײַטונגען און רעדאַקטירט אויך, צוזאַמען מיט גראָסער, אַבראַמאָוויטש און ליטוואַק (שפּעטער אויך אָלגין) דאָס וואָכנבלאַט „די לעבנס־פראַגן", וואָס האָט זיך געדרוקט אין וואַרשע. די ערשטע צוויי נומערן פון דער צײַטונג זענען אָבער געוואָרן קאָנפיסקירט און מ'האָט פון דאָזיקן מאַטעריאַל געמאַכט אַ זאַמלבוך „לעבנס־פראַגן" און די צײַטונג גופא האָט מען איבערגעטראָגן קיין פּעטערבורג, ווו די צענזור איז געווען אַ שוואַכערע. פאַרן צווייטן נומער „לעבנס־פראַגן" האָט מעדעם אָנגעשריבן זיין ערשטן אַרטיקל אין יִדיש, כאָטש נאָך מיט לאַטיינישע אותיות.

ווען מעדעם קערט זיך אום פון אויסלאַנד אין יאָר 1913 ווערט ער אַרעסטירט און אײַנגעזעצט אין 10טן פּאַוויליאָן פון וואַרשע. נאָך 25 חדשים זיצן ווערט ער באַפרײַט ווען די רוסן עוואַקויִרן די פּוילישע הויפּטשטאָט. אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע איז מעדעם דער פירער פון בונד אין פּוילן און אויך רעדאַקטאָר פון אָרגאַן „די לעבנס־פראַגן". ער גיט זיך אויך אַ סך אָפּ מיט דער יִדישער שול־באַוועגונג און בכלל מיט יִדישער קולטור־אַרבעט. ווען אין פּוילישן „בונד" האָבן זיך געשטאַרקט די לינקע שטימונגען, איז מעדעם צוליב זיין קעגנערשאַפט צו דער סאָוועטישער מאַכט אַוועק פון דער פירערשאַפט און אין גיכן אָפּגעפאָרן קיין נ' אַמעריקע (1921). אין ניו־יאָרק האָט ער מיטגעאַרבעט אין „פאָרווערטס" און אויך געשריבן פאַר דער „צוקונפט", „נײַער וועלט" און „פרייַנט".

אין בוכפאָרם זענען דערשינען זיינע: „זכרונות און אַרטיקלען" (פאַרלאַג יִדיש", וואַרשע 1917), „פון מײַן נאָטיץ־בוך" (וואַרשע 1920) און דאָס אויטאָביאָגראַפישע ווערק „פון מיין לעבן" (אַרויסגעגעבן פון דעם וואָלאַדימיר מעדעם־קאָמיטעט, ניו־יאָרק 1923).

ב. מיכאַלעוויטש

(1928—1876)

געבוירן אין 1876 אין בריסק. זײַן ריכטיקער נאָמען איז געווען יוסף איזביצקי. מיכאַלעוויטש האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע ייִדישע דערציִונג, אָבער צו 17 יאָר שליסט ער שוין זיך אָן צו די ייִדישע סאָציאַליסטן אין בריסק, וווּ מיר טרעפן אים אין יאָר 1897 אַלס אָנגעזעענעם פירער פון בונד. אַ יאָר שפּעטער איז ער אין ביאַליסטאָק, וווּ ס'געפינען זיך דאַן אַ סך ייִדישע פאַבריק־אַרבעטער. אין 1899 גיט ער אַרויס דעם ערשטן נומער פון דעם „ביאַליסטאָקער אַרבעטער", וועלכן ער פילט אַליין אויס. מיכאַלעוויטש לעבט דאַן אומלעגאַל און ווען ער ווערט אויפגעדעקט פון שפּיאָנען, באַהאַלט ער זיך אויס אַ צײַט אין אַ ייִדישן גוט אין ביאַלאָוויעזשער וואַלד. דערנאָך באַזעצט ער זיך אין וואַרשע, וווּ עס קומט אויף אַ פּלאַן פּרצעס „יום טוב־בלעטלעך" אין דער פאָרעם פון אַ לעגאַלן זשורנאַל, וואָס זאָל פּאָפּולאַריזירן די אידעען פון סאָציאַליזם און פון דער נײַער קולטור. אין דער רעדאַקציאָנעלער קאָלעגיע פון דער געפּלאַנטער אויסגאַבע זענען אַרײַן י. ל. פּרץ, מיכאַלעוויטש, א. ווײַנשטיין, רובינשטיין, ד. המשורר, ד"ה גרשון לעווין און יעקב דינעזאָן, אָבער צוליב דעם אַרעסט פון י. ל. פּרצן איז די אונטערנעמונג דורכגעפאַלן און מיכאַלעוויטש גיט דאַן אַרויס אומלעגאַל דעם „וואַרשעווער אַרבעטער" (אין 1899). באַלד ווערט מיכאַלעוויטש אַרעסטירט און זיצט אָפּ 16 חדשים אין 10טן פּאַוויליאָן פון דער וואַרשעווער פעסטונג, אויך אין פּאַוויאַק און אין דער ראָדעמער תפיסה און צוליב קראַנקהייט ווערט ער אַרויסגעשיקט אויף 5 יאָר אונטער פּאָליציי־אויפזיכט קיין פּאָלטאַווע. דאָרט איז נישטאָ קיין בונד און ער טרעט אַרײַן אין דער ס"ד־אָרגאַניזאַציע „יוזשני ראַבאָטשי". באַלד פאָרט ער אָבער צוריק קיין ביאַליסטאָק, וווּ ער באַטייליקט זיך אין רעדאַקטירן דעם אומלעגאַלן אָרגאַן פון בונד „די אַרבעטער שטימע". אין 1902 קומט דאָרט פאָר אַ קאָנפערענץ פון דער רסדא"פּ, אָבער די קאָנפערענץ פאַלט דורך און צוליב די אַרעסטן מוז מיכאַלעוויטש פאַרלאָזן די שטאָט און פאָרט אָפּ אַרבעטן קיין לאָדזש. סוף 1902 באַזעצט ער זיך אין מינסק, וווּ ער אַרבעט מיט אין אָרגאַן פון בערשטער־בונד „דער וועקער" און גרינדעט אויך „דעם קעמפער" פון גאַרבער־בונד. מיכאַלעוויטש איז דאַן געשטאַנען אין קאַמף קעגן דער „זובאַטאָווּשטשינע" אויף דער ייִדישער גאַס, קעגן דער אַזוי גערופענער „אומאָפּהענגיקער ייִדישער אַרבעטער־פּאַרטיי". אין 1903 ווערט ער אַרעסטירט און זיצט צוזאַמען מיט זײַן פרוי אין תפיסה אין מינסק, דערנאָך אין סלוצק און מאָסקווע, ביז ער ווערט פאַרשיקט אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע אויף 5 יאָר.

אין 1905 אַנטלויפט ער פון דאָרט און לעבט אומלעגאַל אין בערדיטשעוו און דערנאָך אין לאָדזש און צו לעצט אין וואַרשע. ווידער ווערט ער אַרעסטירט און פאַרשיקט אין צפון־רוסלאַנד, פון וואַנען ס'געלינגט אים צו אַנטלויפן. ער לעבט דערנאָך ווײַטער אין געהיים אין פאַרשידענע שטעט פון רוסלאַנד. אין דעם וואָכנבלאַט „דער מאָרגנשטערן" פאַרעפנטלעכט ער אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דער ייִדישער קהילה, וואָס זענען די ערשטע אַרטיקלען וועגן דעם ענין אין דער בונדישער ליטעראַטור. אין 1912 איז ער רעדאַקציע־מיטגליד פון „דער צײַט", וואָס האָט דאַן אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַנשטאָט די פאַרמאַכטע „לעבנס־פראַגן".

אין 1915 פאָרט ער קיין ווילנע אָנצופירן די אַרבעט אונטער דער דײַטשער אָקופּאַציע. ער איז דאָרט טעטיק אין „ייִדישן אַרבעטער־קולטור־פאַראיין", וואָס איז די לעגאַלע אָרגאַניזאַציע פון די ייִדישע אַרבעטער אין ווילנע אונטער די דײַטשן. ער לייענט דאַן לעקציעס איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע אין „אוניווערסיטעט פאַר אַלעמען" און איז אויך ערשטער פאָרזיצער פון ייִדישן ליטעראַטן־פאַראיין אין ווילנע, געגרינדעט אין 1916.

נאָך דער מאַרץ־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד אַרעסטירן אים די דײַטשן און צוליב קראַנקהייט האַלט ער זיך דערנאָך אויף אין אָטוואָצק און שפּעטער באַזעצט ער זיך אין וואַרשע, וווּ ר'איז טעטיק אַלס בונד־פירער און באַטייליקט זיך אין די פּאַרטיי־אויסגאַבעס, ווי אין וואָכנבלאַט „לעבנס־פראַגן" (שפּעטער „פאָלקס־צײַטונג" און „אונדזער פאָלקס־צײַטונג"), אין זאַמלבוך „אונדזער צײַט" און אין „רויטן פּנקס", ווי אויך אין „שול און לעבן". זינט 1918 איז ער מיטגליד פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע פון דער טעגלעכער צײַטונג, וווּ ער שרײַבט פּאָליטישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען, ווי אויך פעליעטאָנען אונטער די נעמען „ביניש", „אַן אַלטער באַקאַנטער", „דער זעלבער" א"אַ. מיכאַלעוויטש באַטייליקט זיך אויך אַקטיוו אין דער ייִדישער שול־באַוועגונג און ווערט פאָרזיצער פון דער ייִדישער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע; ער ווערט אויך מיטגליד פון דער וואַרשעווער קהילה.

אין 1924 באַזוכט ער אַמעריקע, וווּ ער טרעט אויף מיט רעפעראַטן אין אַלע גרויסע ייִדישע צענטערס פון לאַנד. אין בוכפאָרעם האָט ער פאַרעפנטלעכט די „סאָציאַליסטישע עטיודן און פּאָליטישע סקיצן", וווּ ער רעדט וועגן אוטאָפּישן סאָציאַליזם, מאַרקס און מאַרקסיזם, בלאַנקיזם און נאַציאָנאַלער קולטור־אויטאָנאָמיע. אין זײַנע „זכרונות פון אַ ייִדישן סאָציאַליסט" נעמט ער אַרום די צײַט פון 1892 ביז 1908.

מיכאַלעוויטש איז געשטאָרבן אין אָקטאָבער 1928 אין וואַרשע.

מאַרקיש פּרץ

פּרץ מאַרקיש איז געבוירן געוואָרן אין פּאָלאָננאָיע, וואָלין, אין יאָר 1895. אין וואַרשע האָט ער געלעבט אין די יאָרן 1921—1924. דערנאָך האָט ער געוווינט אין בערלין און אין פּאַריז און צו לעצט זיך באַזעצט אויף שטענדיק אין ראַטן־פאַרבאַנד, וווּ ר'איז געוואָרן איינער פון די פאָרויסגייערס פון דער סאָוועטיש־ייִדישער ליטעראַטור.

פּרץ מאַרקיש שטאַמט פון אַ משפחה פון למדנים און בעלי־מלאכות. ביז 10 יאָר האָט ער געלערנט אין חדר און צו 14 יאָר ווערט ער אַ משורר בײַ אַ חזן אין בערדיטשעוו, אָבער עטלעכע יאָר שפּעטער באַזעצט ער זיך אין אָדעס. אין יאָר 1916 ווערט ער צוגענומען אין מיליטער און אָפּגעשיקט אויפן דײַטשן פראָנט, וווּ ער ווערט לײַכט פאַרוווּנדעט. נאָכן ווערן באַפרײַט באַזעצט ער זיך אין קאַטערינאָסלאַוו, וווּ ער פאַרעפנטלעכט זײַנע ערשטע לידער אין ייִדיש אין אָרגאַן פון די „פאַראייניקטע" „דער קעמפער" (אין 1917). לידער האָט שוין מאַרקיש אָנגעהויבן שרײַבן צו 15 יאָר, אָבער אין רוסיש. אין 1918 פאַרעפנטלעכט אויך מאַרקיש זײַנע לידער אין ייִדישן זאַמלבוך „אייגנס", וואָס דערשײַנט אין קיִעוו. אין 1919 איז אַרויס אין „קיִעווער פאַרלאַג" פּ. מאַרקישעס ערשטע לידערזאַמלונג „שוועלן", וואָס האָט אים אַוועקגעשטעלט בראש פון דער יונגער ייִדישער פּאָעזיע אין אוקראַיִנע, וווּ ס'זענען צוזאַמען מיט אים

אויפגעטרעטן די שפעטער באַקאַנטע דיכטערס דוויד האָפשטיין און לייב קוויטקאָ. שפעטער באַטייליקט זיך אויך מאַרקיש אין מאָסקווער „עמעס" און אין אַנדערע סאָוועטישע צײַטשריפטן.

אין 1921 קומט מאַרקיש אָן קיין וואַרשע, ווּ ער ברענגט דעם ערשטן גרוס פון דער רעוואָלוציאָנערער ייִדישער ליטעראַטור אין ראַטן־פאַרבאַנד. מאַרקיש פאָרט אַרום איבער די פוילישע שטעט, ווּ ער טרעט אויף מיט רעפעראַטן וועגן דער נײַער דיכטונג און רעציטירט אויך זײַנע אייגענע לידער.

פרץ מאַרקיש האָט דאַן אין „מעלוכע־פאַרלאַג" אין קיִעוו פאַרעפנטלעכט זײַן באַרימטע פאָגראָם־פאָעמע „די קופע", געווידמעט די ייִדישע הרוגים פון אוקראַיִנע, אַ פאָעמע וואָס איז באַצייכנט געוואָרן אַלס פאָעזיע פון לעסטערונג. דער דיכטער האָט אין דער פאָעמע געוואָלט אויסדריקן די שאַנד און פײַן פון די שווידערלעכע שחיטות אין אוקראַיִנע. אין 1922 איז אין וואַרשע אַרויס די צווייטע אויפלאַגע פון דער „קופע" אין פאַרלאַג „קולטור־ליגע".

צוזאַמען מיט זינגערן גיט מאַרקיש אַרויס אין וואַרשע דאָס זאַמלבוך „כאַליאַסטרע", ווּ ס'ווערט געפירט אַ שאַרפע פאָלעמיק וועגן אַלט און נײַ אין דער ייִדישער ליטעראַטור, און מאַרקיש ווערט אויך איינער פון די וואָרטפירערס פון דער יונגער רעוואָלוציאָנערער גרופע ייִדישע דיכטערס אין פוילן. אין 1924 איז מאַרקיש איינער פון די מיטגרינדערס און רעדאַקטאָרן פון די „ליטעראַרישע בלעטער", ווּ ער פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע טעמעס, וועגן טעאַטער און אַנדערע.

פרץ מאַרקיש פאַרלאָזט אין גיכן פוילן און לעבט אַ צײַט אין בערלין און אין פאַריז, ווּ ער רעדאַגירט צוזאַמען מיט עוזר וואַרשאַווסקין דאָס זאַמלבוך „כאַליאַסטרע" (פאַריז 1924) און פאַרעפנטלעכט דאָרט זײַן פאָעמע „וואָכנטעג". ער גרײַפט דאַן שאַרף אָן די ייִדישע שרײַבערס אויף דער עמיגראַציע און אַליין קערט ער זיך גיך אום קיין ראַטן־פאַרבאַנד, ווּ זײַן דיכטערישער טאַלאַנט שטײַגט אַלץ העכער און געווינט אָנערקענונג ווײַט איבער די גרענעצן פון סאָוועטן־לאַנד.

אין די יאָרן פון זײַן ראַטן־פאַרבאַנדישער שאַפונג זענען אַרויס זײַנע אַ ריי גרויסע ווערק: „דור אײַן דור אויס", „מלחמה" א"אַ.

מענדעלסאָן שלמה (1948—1896)

געבוירן אין וואַרשע, זײַן פאָטער שמואל צבי אַן אייניקל פון וואַרשעווער רב דעם „חמדת שלמה" — איינער פון די אָנגעזעענסטע נערער חסידים און אַ גרויסער למדן — איז אים געשטאָרבן צו 7 יאָר, אָבער זײַן דערציִונג איז אויך ווײַטער געווען אַ שטרענג רעליגיעזער. צו 3 יאָר אָנגעהויבן גיין אין חדר, צו 6 יאָר שוין געמאַכט אַ סיום אויף אַ מסכתא, דאַן געלערנט אין דער היים בײַ באַרימטע מלמדים, געפאָרן קיין גער צום רבין, צו בר־מיצווה שוין געווען אַ בקי אין תלמוד, דערנאָך בסוד פון דער משפחה זיך אָנגעהויבן אָפצוגעבן מיט אַלגעמיינער בילדונג, 1910 אָנגעקומען אין דער 8־קלאַסיקער האַנדלסשול פון מ. קרינסקי, געגאַנגען אין שול אין אַ לאַנגער קאַפאָטע, פלעגט זיך איבערטאָן אין שולטויער, כדי די שטוביקע זאָלן נישט געוווּיר ווערן. נאָכן ענדיקן די שול מיט אַן אויסצייכענונג (1915) אַרײַן אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט, שפעטער אַריבער צום יורידישן,

דורכגעמאַכט 8 סעמעסטערס אין וואַרשעווער און קראָקעווער אוניווערסיטעטן. 1920 פאַרן אָנפירן מיט דער אַקציע פון דער ייִדישער אַקאַדעמישער יוגנט בײַם אַרײַנטרעטן פרײַוויליק אין פוילישן מיליטער און פאָדערן נאַציאָנאַלע רעכט אַלס תנאי קודם למעשה — אויסגעשלאָסן געוואָרן פון אוניווערסיטעט.

זינט דאַן אין גאַנצן זיך געווידמעט דער געזעלשאַפטלעך־פעדאַגאָגישער אַרבעט אַלס איינער פון די פירערס פון דער ייִדישיסטישער באַוועגונג אין פוילן. נאָך אַלס שילער פון דער האַנדלסשול געגרינדעט אַ קרײַז פאַר ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט געפירט אַ קאַמף קעגן דער ציוניסטישער שילער־גרופע „השחר". 1915, אַלס מיטגרינדער פון אַן אינטערנאַט פאַר בעטלערקינדער, אײַנגעפירט אין דעם אַנשטאַלט ייִדיש אַלס לערנשפראַך. צוליב קאָנפליקטן מיט אַדאָלף טרוסקער און אַנדערע אַסימילאַטאָריש געשטימטע מיטגלידער פון קאָמיטעט, פאַרלאָזט די אַרבעט אין קאָמיטעט ,דאַן געשאַפן אַ פריוואַטע שול אויף ייִדיש בײַ אַן אינטערנאַט פאַר קינדער פון אַנטרונענע ,אָבער די חסידישע מיטגלידער פון אינטערנאַט־קוראַטאָריום האָבן די שול פאַרמאַכט. 1916 אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס לערער אין דער ייִדישער שול פון ש. גילינסקי, און אין משך פון 5 יאָר געווען לערער פון ייִדישער ליטעראַטור און געשיכטע אין די פריוואַטע ייִדיש־פוילישע מיטלשולן, געווען מיטגליד אין דינענזאָן־קאָמיטעט פאַר די ייִדיש־וועלטלעכע שולן, פון דער פאַרוואַלטונג פון שול־ און פאָלקס־בילדונג־פאַראיין, פאַרוואַלטער פון ייִדישע לערערקורסן אין וואַרשע (1919—1921), אָרגאַניזאַטאָר פון דער ערשטער ייִדישער שול־קאָנפערענץ אין דער פוילישער רעפובליק הול־מועד סוכות 1919 אין וואַרשע, אויף וועלכער עס איז געלייגט געוואָרן דער יסוד פון דער „צענטראַלער ייִדישער שול־אָרגאַניזאַציע", אויפן ערשטן ייִדישן שול־צוזאַמענפאָר (1921) געווען איינער פון די פיר פירערס פון דער אומאָפהענגיקער שולפראַקציע קעגן די פאַרטיי־אַמביציעס פון „בונד" און פ"צ אין דער שול־באַוועגונג. זינט דאַן מיטגליד פון דער הויפט־פאַרוואַלטונג פון דער צישאָ, פון עקזעקוטיוו און אויספיר־ביוראָ. אַ געוויסע צײַט אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם געזעלשאַפטלעך־פאָליטישן לעבן. אַלס איינער פון די פירערס פון דער אַקאַדעמישער דעמאָקראַטיש־ייִדישיסטישער גרופע „צוקונפט", דעלעגירט געוואָרן אין דעם אַזוי גערופענעם „פאָלקס־קאָמיטעט", וואָס האָט אין 1916 אָרגאַניזירט די וואַלן צום וואַרשעווער שטאָטראַט קעגן דער ציוניסטיש־אַסימילאַטאָרישער קאָנסאָלידאַציע און שפעטער געגרינדעט די ייִדישע פאָלקספאַרטיי אין פוילן, 1917—1920 געווען מיטגליד פון דעם צענטראַלראַט פון דער פ"פ. נאָך נאָמבערגס אַרויסטרעטן פון סיים, געזאָלט לויטן באַשלוס פון דער פאַרטיי איבערנעמען זײַן סיים־מאַנדאַט, אָבער צוליב פרינציפיעלע חילוקי־דעות זיך אָפגעזאָגט דערפון און אין 1921 אויך אַרויס פון דער פ"פ. 1917—1921 געשטאַנען בראש פון דער ייִדישער אַקאַדעמישער היים, 1917 מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון „הזמיר", זינט 1921 אייניקע מאָל אויסגעוויילט געוואָרן אין דער פאַרוואַלטונג פון וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין. ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן 1917 אין דעם אָרגאַן פון דער פאָלקספאַרטיי „דאָס פאָלק", ווּ דער עיקר געדרוקט פראָגראַמאַטישע אַרטיקלען, 1919 רעדאַקטירט דעם ערשטן ייִדישן האַנטווערקער־אָרגאַן „די האַנטווערקער־שטים", זינט 1921 מיטרעדאַקטאָר פון די אָרגאַנען פון דער צישאָ „די נײַע שול" און „שול און לעבן", ווּ פאַרעפנטלעכט זייער פיל אַרטיקלען פון געזעלשאַפטלעך־פאָליטישן און פעדאַגאָגישן אינהאַלט, געשריבן אויף אַ ריי רעצענזיעס און קריטישע אַרטיקלען אין „ביכער־וועלט" און זינט 1923 אין דער „פאָלקס־

צײַטונג", אייניקע פּובליציסטישע און שול־אַרטיקלען געדרוקט אויך אין ווילנער „טאָג", רעדאַקטירט די אויסגאַבע פון שלמה עטינגערס „משלים", צו וועלכער געשריבן אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג וועגן עטינגערן, אַרויסגעגעבן אַ בראָשור אין פּויליש וועגן דער ייִדיש־וועלטלעכער שול, צוזאַמען מיט ח. ש. קאַזשדאַנען זעצט איבער ש. דובנאָווס „נײַסטע געשיכטע" פאַרן פאַרלאַג „קולטור־ליגע". מענדעלסאָן האָט זיך די לעצטע צײַט געפונען אין די פ"ש, וווּ ער איז געשטאָרבן דעם 9טן פעברואַר 1948.

נאָמבערג הערש דוד (1876—1927)

געבוירן אין אַמשינאָוו וואַרשעווער געגנט, אין אַ חסידיש־נגידישער פאַמיליע. זײַן פאָטער משה מרדכי, אַן אוראייניקל פון פּראָגער רב יחזקאל נאָמבערג, אַ גרויסער לערנער, אַ העכסט באַגאַבטע נאַטור, אַן אַפּיקורס, איז יונג געשטאָרבן, און הערש דוד האָט זיך דערצויגן בײַ זײַן זיידן פון דער מוטערס צד אײַזנבערג, אַ זייער אָריגינעלע פערזענלעכקייט. שטאַמענדיק פון אַ שיין חסידיש הויז, אַן אייניקל פון דעם „חושן משפט" לאַנדע, אַליין אַ לובלינער חסיד, וואָס איז רעגולער געפאָרן צום רבין, איז דער דאָזיקער אײַזנבערג געווען זייער אָנגעזען אין דער גאַנצער געגנט סײַ בײַ ייִדן און סײַ בײַ נישט־ייִדן. געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „פּאַניע דזשעדזשיצו", געפירט גרויסע געשעפטן מיט פּריצים, געלעבט אַליין ווי אַן אַריסטאָקראַט אין אַן אויסערגעוויינלעך שיין דעקאָרירט הויז, אַרומגעפאָרן אין אַ קאָטש, געריטן אויף אַ פערד, פאַרנומען בײַ די פּאָליאַקן אַן ערן־פּאָסטן אַלס „נאַטשאַלניק סטראַזשי", געהאַלטן אַן אומגעהייערע קיך פאַר אָרעמע־לײַט או"וו.

נאָמבערג איז בײַם זיידן דערצויגן געוואָרן אין שטרענג חסידישן גײַסט, ביזן 18טן יאָר געלערנט, זיך אויסגעצייכנט אַלס עילוי און בקי, געלערנט העברעיִש, שפּעטער, שוין נאָך דער חתונה, האָט ער אונטער דער השפּעה פון דער העברעיִשער ליטעראַטור זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט זעלבסטבילדונג.

אַן אינערלעכע קאַטאַסטראָפע, אַן איבעררײַס פון זײַן רעליגיעזן וועלט־באַנעם. האָט זיך געפילט דערשלאָגן, נישט געפונען באַפרידיקונג אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, אויף וועלכער ער האָט זיך געוואָרפן. נאָר צופעליק איז אים געקומען אין דער האַנט אַרײַן י. ל. פּרצעס ביכעלע שירים „העוגב", וועלכע האָבן אויף אים געמאַכט אַ טיפן רושם, און ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין וואַרשע — בײַ דעם דיכטער צו געפינען אַן ענטפער אויף די פראַגעס וואָס האָבן אים געפּײַניקט. געצוווּנגען פאַר זײַן „אַפּיקורסות" זיך צו שיידן מיט זײַן פרוי, איז ער מיט דער הילף פון אַ קרײַז וואַרשעווער סטודענטן־סאָציאַליסטן, וועלכע פלעגן אויפזוכן אויף דער פּראָווינץ פעיִקע יונגעלײַט מיט אויפקלערערישע צוועקן, געקומען אַרום 1897 קיין וואַרשע, באַזוכט פּרצן און געוויזן אים זײַנע העברעיִשע שירים וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן נאָך אין דער אַמשינאָווער ישיבה. פּרץ האָט אים געראָטן אַוועקצוּוואַרפן דאָס שרײַבן אין העברעיִש און איבערצוגיין צו ייִדיש. נאָמבערג איז שוין דאַן פאַרבליבן אין וואַרשע. די ערשטע יאָרן איז ער געווען באַשעפטיקט אַלס לערער אין אַ העברעיִשער שול און געהאַט אויך אַ שטעלע אַלס הויז־אַדמיניסטראַטאָר, פאַר וואָס ער האָט באַקומען אַלס באַלוינונג אַ גרויס צימער, וואָס איז געוואָרן אַ מקום מקלט פאַר אַ סך ליטווישע נרים אין וואַרשע, אויך פאַר פּוילישע

יונגע בחורימלעך, וואָס פלעגן קומען אין דער רעזידענץ־שטאָט זוכן השכלה און בילדונג.

אין אַ קורצער צײַט אַרום זענען קיין וואַרשע אויך געקומען אברהם רײַזען און שלום אַש און אַלע דרײַ האָבן געבילדעט דאַן דעם דרײַבונד פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. נאָמבערג איז דאַן געווען נישט נאָר דער גרעסטער פאַרדינער אין דעם דאָזיקן „דרײַבונד", נאָר אויך דער שטרענגער קריטיקער, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער ליטעראַרישער אַנטוויקלונג פון זײַנע חברים. דעביוטירט אין דער ליטעראַטור האָט ער מיט אַ ליד „דער נביא" אין דעם „יוד" (1900), און מיט אַ מעשהלע „דאָס גליק" אין א. רײַזענס זאַמלבוך „דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט". דאַן האָט ער אויך אָנגעשריבן פאַר אַן אומלעגאַלער זאַמלונג לכבוד דעם ערשטן מײַ זײַן ליד „ס'לויפן, ס'יאָגן שוואַרצע וואָלקנס", וואָס איז געווען איינס פון די פּאָפּולערסטע לידער אין די קרײַזן פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. דערנאָך האָט ער אָפּגעדרוקט אין „יוד" און אויך אין פרישמאַנס „הדור" זײַנע ערשטע נאָוועלן, צ"אַ איינע פון זײַנע בעסטע „דער רב און זײַן זון", „פון אַ פּוילישער ישיבה", וואָס האָבן געמאַכט זייער אַ גרויסן אײַנדרוק און אַרויסגערוקט נאָמבערגן אין אויבנאָן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. נאָך גרעסער איז געווען דער רושם פון זײַן גרויסער דערציילונג „פליגלמאַן". צו יענער צײַט האָט זיך נאָמבערג שוין געהאַט אין גאַנצן אָפּגעגעבן דער ליטעראַרישער טעטיקייט, אויפטרעטנדיק אויך אַלס פּובליציסט, געווען איינער פון די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג „הצופה", וווּ ער איז לכתחילה אָנגעקומען אַלס איבערזעצער פון טעלעגראַמעס ,באַלד אָבער האָבן געמאַכט אַ גרויסן רושם זײַנע פעליעטאָנען אונטערן פּסעוודאָנים כף המבשלים, א. קירץ, הציוני, מרכי, שאנני הדון און נאָך דער רעזיגנאַציע פון אָ. ליצוויראָס געוואָרן אויך רעדאַקטאָר פון „הצופה", שפּעטער מיטגעאַרבעט אין „וועג", דאַן אַוועק קיין אויסלאַנד, אָנדערטהאַלבן יאָר געלעבט אין מינכען, שווייץ און אַנדערע ערטער. אַרום 1907 האָט ער געלעבט אין ווילנע, וווּ ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין „הזמן" און זיך אויך באַטייליקט אין אַנדערע אויסגאַבעס, אַרויסגעגעבן אַ זאַמלהעפט „לכבוד פּסח", אין די ווילנער אויסגאַבעס „די פאָלקס־שטימע", „די וועלט", „ליטעראַרישע מאָנאַטסשריפטן", פאַרעפנטלעכט אַ ריי נאָוועלן אויס דעם לעבן פון דער ייִדישער מאָדערנער אינטעליגענץ; זינט דאַן בלויז פון צײַט צו צײַט געשריבן בעלעטריסטישע ווערק, אָפּגעבנדיק זיך אַלץ מער מיט דער פּובליציסטיק און מיט דעם ליטעראַרישן פעליעטאָן. 1908 האָט ער זיך באַטייליקט אין דער ייִדישער שפּראַך־קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ, געווען דער מחבר פון דער טשערנאָוויצער רעזאָלוציע, און זינט דאַן זיך אויך ענג פאַרבונדן מיט דער נײַער ייִדישער קולטור־באַוועגונג.

בײַם אַריבערגיין פון „פרײַנד" קיין וואַרשע, איז ער אַרײַן אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין דער צײַטונג, וווּ ער האָט אין משך פון אַ פּאָר יאָר געשריבן אַלע פרײַטיק פּובליציסטישע אָדער קריטישע עסייען אונטערן טיטל „וואָכעדיקע שמועסן", און זיי ממשיך געווען דערנאָך אין „הײַנט", וווּ ער האָט מיטגעאַרבעט זינט 1912 ביז אין דער מלחמה אַרײַן. נאָך דער אָקופּאַציע פון פּוילן דורך די דײַטשן, איז ער געוואָרן איינער פון די פירער פון דער ייִדישער פאָלקיסטישער באַוועגונג ,האָט אין דער ריכטונג געפירט „דאָס וואַרשעווער טאַגעבלאַט", פון וועלכן ער איז געווען דער ליטעראַרישער לײַטער, 1916 געווען איינער פון די גרינדער פון דער ייִדישער פאָלקספּאַרטיי ,און נאָך דעם ווי נח פּרילוצקי איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון גרינדונגסיים, איז ער אַרײַן אויף זײַן

אָרט אַלס סיים־דעפּוטאַט, אָבער אין אַ פּאָר יאָר אַרום רעזיגנירט, הגם ער האָט גענומען אַן אָנטייל אין דעם ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, דערהויפּט אַלס פאָרזיצער פון דעם ייִדישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין וואַרשע; האָט זיך אויך באַטייליקט אויף אייניקע קאָנפערענצן פון דער ייִדיש־וועלטלעכער שול, געווען פאָרזיצער פון ערשטן צוזאַמענפאָר פון די ייִדישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין פּוילן, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשע סוף דעצעמבער 1921.

האָט זייער פיל געריַיזט ,צוויי מאָל באַזוכט אַמעריקע, סוף 1911 און אָנהייב 1926.

אַ לענגערע צײַט פאַרברענגט אין אַרגענטינע (1923). 1924 באַזוכט ער ארץ ישראל און דערנאָך פאַרעפנטלעכט ער אַ בוך, וווּ ער גיט איבער אָביעקטיוו סײַ די גוטע, סײַ די שלעכטע זײַטן פון דעם ערשט זיך בויענדיקן יישוב. ער האָט אויך באַזוכט דעם ראַטן־פאַרבאַנד.

פון צײַט צו צײַט געלעבט אין דער שווייץ, אין דײַטשלאַנד, אין פּאַריז, און פון די דאָזיקע לענדער געשריבן אַ סך אײַנדרוקן און אַרטיקלען, וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט דערהויפּט אין „מאָמענט", פון וועלכן ער איז זינט 1918 אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער און פאַרעפנטלעכט דאָרט אַחוץ די פרייטיקדיקע „וואָכעדיקע שמועסן" אויך קליינע פּובליציסטישע אַרטיקלען און גיט אַרויס אין בוכפאָרם זיין באַקאַנטע דראַמע די „משפחה".

די שפּעטערדיקע יאָרן זיך אויך באַטייליקט פון צײַט צו צײַט אין „פאָרווערטס", „טאָג", בוענאָס־איירעסער „די אידישע צײַטונג", לאָנדאָנער „צייט", „ביכער־וועלט" און אַנדערע אויסגאַבעס.

אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן געפינט ער זיך שוין אַ קראַנקער אין אַ סאַנאַטאָריע פון אָטוואָצק, וווּ ער איז געשטאָרבן דעם 21טן נאָוועמבער 1927.

ניר (1884)

פּסעוודאָנים פון נחום יעקב ראַפּאַלקעס, געבוירן אין וואַרשע. זײַן פאָטער משה געשטאַמט פון איליע, איז 30 יאָר געווען שוך־פאַבריקאַנט אין וואַרשע. ניר האָט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג, פון 5 יאָר אָן געגאַנגען אין חדר וווּ מ'האָט שוין געלערנט רוסיש, געלערנט ביז 15 יאָר תנך און גמרא ,דאַן קעגן דעם ווילן פון פאָטער אָנגעקומען אין 6טן קלאַס גימנאַזיע, וועלכע געענדיקט 1902, שטודירט נאַטור־וויסנשאַפט אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט, פון וואַנען 1905 אויסגעשלאָסן געוואָרן פאַרן אָנטיילנעמען אין אַ סטודענטן־שטרײַק און אַנדערע פּאָליטישע חטאים, דאַן שטודירט אַ סעמעסטער מעדיצין אין ציריך, סעפּטעמבער 1905 צוריק געקומען קיין וואַרשע. סוף 1906 אַריין אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט אויפן נאַטור־וויסנשאַפטלעכן פאַקולטעט און געענדיקט אין 1907, דאַן שטודירט יוריספּרודענץ אין דאָרפּאַט און 1908—1907 פּראַקטיצירט אַלס אַדוואָקאַט אין וואַרשע און דערנאָך אין פּעטערבורג. נאָך דער מאַרץ־רעוואָלוציע באַשטימט געוואָרן ווי אַ געשוווירענער אַדוואָקאַט. יאַנואַר 1919 צוריק געקומען קיין וואַרשע, פון 1920 געלעבט אַ פּאָר יאָר אין ווין שפּעטער זיך באַזעצט אין א"י.

זײַן געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אָנגעהויבן אַלס גימנאַזיסט, ווי איינער פון די פירער פון דעם א"ג „ייִדישן חברישן פאַרבאַנד פון גימנאַזיסטן און רעאַליסטן", געגרינדעט פון בראָניסלאַוו גראָסער, 1903 צוזאַמען מיט י. גרינבוים, האַרטגלאַס און אָלשוואַנגער, גענומען אָנטייל אין דער ציוניסטישער סטודענטן־אגודה „קדימה", זיך באַטייליקט אויפן 7טן ציוניסטישן קאָנגרעס און אויף דער פרײַבורגער קאָנפערענץ פון די „ציוני ציון". אונטער דער פּערזענלעכער ווירקונג פון ב. באָראָכאָוו אין בערלין אַריבער צו די פּ"צ, וווּ ער איז טעטיק (מיט הפסקות) זינט סעפּטעמבער 1905. אין יאַנואַר־אַפּריל געזעסן אין דער מאָדלינער פעסטונג, זיך באַטייליקט ווי אַ דעלעגאַט פון פּוילן אויף דעם צווייטן צוזאַמענפאָר אין קראָקע, געווען דעלעגאַט פון פּ"צ אויפן 8טן קאָנגרעס אין האַאַג 1907, אויך אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דעם אַלוועלטלעכן פּ"צ־פאַרבאַנד. פון 1907 ביז 1915 זיך צוריקגעצויגן פון דער באַוועגונג. אין 1916 זיך צוריק באַטייליקט אין דער מאָסקווער פּאַרטיי־קאָנפערענץ, סעפּטעמבער 1918 געגרינדעט אַ פּ"צ־גרופּע אין פּעטערבורג, 1919 קאַנדידאַט צום גרינדונגססיים, אויסגעוויילט געוואָרן אין וואַרשעווער שטאָטראַט.

זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין 1906, ווען צוזאַמען מיט בן ציון ראַסקין און אפרים בלומענפעלד אַרויסגעגעבן צוויי נומערן פון אומלעגאַלן אָרגאַן „דאָס ייִדישע אַרבעטער־וואָרט". פון מאַרץ 1917 ביז מאַרץ 1918 רעדאַקטירט אין פּעטערבורג דעם צענטראַלן אָרגאַן פון די פּ"צ אין רוסלאַנד (אַרום 24 נומערן). געשריבן אין דעם אָרגאַן פון דער פּאַרטיי אין פּוילן „אַרבעטער־צײַטונג" און אין אַ גאַנצע ריי פּאַרטיי־צײַטונגען פון פאַרשידענע לענדער. זיך אויך באַטייליקט מיט רעצענזיעס אין דער „ביכער־וועלט".

אין בוכפאָרם אַרויסגעגעבן: „רוסלאַנד אונטער דער ראַטן־רעגירונג" וואַרשע 1910, „די לאַנדווירטשאַפטלעכע קבוצות אין ארץ ישראל אין יאָר 1920", אַרויסגעגעבן אין 1921 אין ווין „דער פּועלי־ציוניזם", אַרויסגעגעבן דורכן צ"ק פון די פּ"צ. אין אַרגענטינע (אין 1922) „די געשיכטע פון סאָציאַליזם" ערשטער באַנד.

ניר געפינט זיך ביזן הײַנטיקן טאָג אין ישראל.

סאָקאָלאָוו נחום (1936—1860)

געבוירן אין ווישעגראָד, פּלאָצקער געגנט אין אַ מיוחסדיקער משפחה וואָס שטאַמט פון קראָקע. צו 3 יאָר שוין געגאַנגען אין חדר, צו 5 געשמט פאַר אַן עילוי. צו 10 יאָר האָט ער איבערראַשט מיט זײַנע ידיעות אין גמרא און פּוסקים. זײַן פאָטער האָט אים געוואָלט מאַכן פאַר אַ רב און מ'האָט קוים בײַ אים געפּועלט ער זאָל לאָזן לערנען זײַן זון אויך אַלגעמיינע לימודים. אויפן 18טן יאָר חתונה געהאַט, זיך באַזעצט בײַ זײַן רײַכן שווער אין מאַקאָוו וווּ ער האָט זיך פאַרפולקומט אין וועלטלעכער בילדונג און אַ דאַנק זיין פענאָמענאַלן זכרון באַהערשט דאָס רוב אייראָפּעיִשע שפּראַכן.

זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אַלס 15יעריק ייִנגל מיט אַן איבערזעצונג פון אַ האַנטבוך פון געאָגראַפיע (1877), 1879 זיך באַזעצט אין וואַרשע וווּ ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער (שפּעטער אויך רעדאַקטאָר) פון „הצפירה" און זײַנע פּובליציסטישע אַרטיקלען א"ט „הצופה לבית ישראל" האָבן געמאַכט אַ רושם. זײַנע פּאָליטישע איבערזיכטן א"ט „דברי הימים" האָבן געשלונגען סײַ די משכילים סײַ דער אָרטאָדאָקסיש־חסידישער

לייענער און זײַן נאָמען האָט באַקומען אַן אומגעהײַערע פּאָפּולאַריטעט. ער איז געווען שעפער פון דעם ליטעראַריש־קריטישן עסיי אין דער העברעיִשער ליטעראַטור און באַזונדערס זיך אויסגעצייכנט אין זײַנע פעליעטאָנען „משבת לשבת".

אַ סקעפּטיקער־ראַציאָנאַליסט לויט זײַן שטייגער אינטעלעקט, איז ער לכתחילה געשטאַנען אָן אַ זײַט פון דעם ציוניזם, געווען נאָענט צו דעם ייִדיש־פּוילישן אָרגאַן „איזראַעליטאַ", וווּ ער האָט זייער פיל געשריבן. בשעת דער פראַגע פון באַזעצן ייִדן אין אַרגענטינע, האָט ער היים אונטערגעשטיצט די עמיגראַציע אַהינצו אַלס קעגנער פון חיבת ציון. ערשט שפּעטער איז ער צוגעשטאַנען צום פּאָליטישן ציוניזם וווּ ער האָט אָנגעהויבן שפּילן אַן אָנפירנדיקע ראָלע, צו ערשט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע און רעדאַקטאָר פון איר צענטראַל־אָרגאַן „העולם" אין קעלן, וווּהין ער איז געפאָרן ווען די „הצפירה" האָט זיך צוריק געעפנט איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע. שפּעטער האָט ער ווידער פאַרלאָזט וואַרשע און זיך באַזעצט אין לאָנדאָן.

זינט די מלחמה־יאָרן ,און ספּעציעל זינט דער באַלפור־דעקלאַראַציע איז ער צוזאַמען מיט ד"ר חיים ווייצמאַן געווען דער פירער פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק. ער איז געווען באַרימט נישט נאָר אַלס שריפטשטעלער און זשורנאַליסט פון גרויסן סטיל נאָר אויך ווי אַ גלענצנדיקער רעדנער אין פאַרשידענע שפּראַכן. ער צייכנט זיך אויס אַלס שרײַבער אין ייִדיש, האָט פאַרפאַסט „די נײַע פּראַקטישע מעטאָדע דער ענגלישע שפּראַכע", וואָס איז דערשינען אין 16 אויפלאַגעס. דאָס בוך איז דערשינען אין אַ האַלב דײַטשן און אַ האַלב ייִדישן סטיל. שפּעטער בעסערט ער אויס זײַן ייִדיש און ער ווײַזט זיך אַרויס פאַר אַ גלענצנדיקן סטיליסט און שאַרפזיניקן פעליעטאָניסט אויך אין דער ייִדישער שפּראַך. האָט געדרוקט אַרטיקלען אין ייִדיש אין י. ל. פּרצעס „יודישער ביבליאָטעק", האָט געגרינדעט דעם „טעלעגראַף". נאָך דעם ווי די „הצפירה" איז אונטערגעגאַנגען די לעצטע צײַטן מיטגעאַרבעט אין וואַרשעווער „הײַנט". א"ט „פון מײַן ליטעראַרישן נאָטיץ־בוך", בלויז אַ קליינער טייל פון זײַן זשורנאַליסטישע און בעלעטריסטישע זאַכן זענען אַרײַן אין דעם באַנד „אויסגעוועלטע שריפטן" וואָס איז דערשינען אין וואַרשע 1912. איז אייניקע מאָל אויך אַרויסגעטראָטן צו פאַרטיידיקן די ייִדישע שפּראַך קעגן אירע שונאים. די לעצטע יאָרן האָט ער געאַרבעט אויף אַן ענציקלאָפּעדישן ווערטער־בוך פון דער העברעיִשער שפּראַך.

געשטאָרבן אין לאָנדאָן אין יאָר 1936.

ספּעקטאָר מרדכי

געבוירן דעם 5טן מײַ 1858 אין אומאַן, קיִעווער גובערניע, אין אַ משפּחה פון טאַלנער חסידים. זײַן פאָטער, אַ קרעמער, אַ הייסער חסיד, וואָס פלעגט זיך נישט רירן אָן רבינס ברכה, האָט צונויפגעקויפט די העברעיִשע השכלה־ביכער צו פאַרברענען זיי לשם מצווה. ווען ספּעקטאָר איז אַלט געווען 2 יאָר איז דער פאָטער אים געשטאָרבן. די ערשטע דערציִונג האָט ער באַקומען אין חסידישן גײַסט, בײַ מלמדים וועלכע האָבן געקענט מער זינגען זמירות בײַם רבין און כאַפּן פון די טעלער בײַ די חסידישע סעודות ווי לערנען. אַ קורצע צײַט האָט ער אויך געלערנט אין בית־המדרש און ווען ער איז אַלט געוואָרן 13 יאָר האָט מען אים אַוועקגעפירט צום טאַלנער צדיק, וואָס האָט אים מיט די אייגענע הענט אָנגעטאָן

די תפילין. דאָס האָט אָבער קנאַפּ וואָס געווירקט אויף אים; ספּעקטאָר האָט שוין דאַן געשטרעבט צו וועלטלעכער בילדונג און נישט קוקנדיק אויף די שטערונגען פון זײַנע קרובים איז ער אָנגעקומען אין דער ערדאַרבעטערישער שול אין אומאַן. צו 17 יאָר איז ער אַנטלאָפן קיין זשיטאָמיר אָנצוקומען אין דער ראַבינער שול. מען האָט אים נישט אָנגענומען צוליבן פעלן פון פרײַע ערטער.

אין „אידישן פאָלקסבלאַט" איז אין 1883 געווען געדרוקט זײַן „ראָמאַן אָן אַ נאָמען" און אין 1884 זײַן צווייטער ראָמאַן „דער יודישער מוזשיק", דורכגעדרונגען מיט טענדענצן פון דעם דעמאָלט זייער אַקטועלן חיבת־ציון.

אין 1887 קומט ער קיין וואַרשע און גיט אַרויס דעם ערשטן באַנד פון זײַן יאָרבוך „דער הויז־פרײַנד". אין דער זעלבער צײַט האָט זײַן חבר און פרײַנד שלום עליכם אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן „די יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק", וואָס איז ליטעראַריש געשטאַנען העכער. אָבער דער „הויז־פרײַנד איז געווען נענטער צום פאָלק מיט זײַן פּשוטן, פּאָפּולערן אינהאַלט, בפרט אַז ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אַ ביסל פריִער און אַזוי אַרום געעפנט יענע דאַטע אין דער געשיכטע פון דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע איז פאַרבונדן מיט די דאָזיקע ביידע אויסגאַבעס.

אין 1894 האָט ספּעקטאָר צוזאַמען מיט י. ל. פּרץ אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די אַזוי באַרימט געוואָרענע „יום־טוב־בלעטלעך", אָבער נאָך די ערשטע נומערן האָט ספּעקטאָר זיך אָפּגעטיילט און אַליין אַרויסגעגעבן עטלעכע נומערן „וואָכעדיקע בלעטלעך". האָט אויך אַרויסגעגעבן דעם „וואַרשעווער ייִדישער קאַלענדאַר". נאָך דער גרינדונג פון „דעם יוד" איז ער געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דעם דאָזיקן עפּאָכאַלן וואָכנבלאַט, האָט געפירט די אָפּטיילונג „שטעט און שטעטלעך" — פעליעטאָנען אויס דעם לעבן פון דער ייִדישער פּראָווינץ. אין 1902—1903 האָט ער צוזאַמען מיט ד"ר ה. ד. הורוויץ רעדאַקטירט דאָס וואָכנבלאַט „יודישע פאָלקסצײַטונג" מיט דער „פרויען־וועלט" אַלס בײַלאַגע. אין 1907 רעדאַקטירט דאָס וואַרשעווער וואָכנבלאַט „פרייטאָג" און אין 1909 האָט ער געגרינדעט דאָס טאָגבלאַט „די נײַע וועלט", וועלכע האָט זיך שפּעטער צונויפגעגאָסן מיט דעם „מאָמענט", וווּ ספּעקטאָר איז אַרײַן אַלס איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטערס. סוף 1914, בײַם דערנענטערן זיך פונעם דײַטשן מיליטער צו וואַרשע, איז ער אַוועק קיין אָדעס. דאָרט האָט ער מיטגעאַרבעט אין פאַרשידענע רוסישע צײַטונגען, געשריבן פעליעטאָנען און דערציילונגען, געווען איינער פון די איניציאַטאָרן פון דער אָדעסער „קולטור־ליגע", סוף 1920 געמאַכט אַ רײַזע איבער רומעניע, אונגאַרן, יוגאָסלאַוויע, איטאַליע, שווייץ און פראַנקרײַך, אומעטום אויפגענומען געוואָרן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג מיט גרויס באַגײַסטערונג. אין 1921 געקומען קיין נאָרד־אַמעריקע, אַרײַן אַלס שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „ייִדישן טאַגעבלאַט", וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ סעריע באַשרײַבונגען פון די געשעענישן אין רוסלאַנד. געשטאָרבן איז ער אין ניו־יאָרק דעם 15טן מאַרץ 1925.

ספּעקטאָר האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז געווען דער שילדערער פון די ליידן און פריידן פון „קליינע מענטשעלעך", בעלי־מלאכות, אַרבעטער, הענדלערס, קרעמערס אאַ"וו. מיט אַן עפּישער פּשטות און וואַרעמער האַרציקייט פלעגט ער שילדערן דעם אַלטן אײַנגעפונדעוועטן ייִדישן לעבנס־שטייגער. ער איז אויך געווען אַ קעמפער קעגן דער שונד־ליטעראַטור, און מיט דירעקטע מיטלען — דורך פאַרשידענע אויסגאַבעס, אויך דורך דעם פּאַמפלעט „שמרם משפּט", פאַרפאַסט

דורך שלום עליכמען מיט ספּעקטאָרס מיטהילף — נאָר דער הויפּט מיט אומדירעקטע מיטלען, דורך זײַנע אייגענע ראָמאַנען און זאַמלהעפטן. דאָס וואָס אײַזיק מאיר דיק האָט דורכגעפירט אין אַ פּריִערדיקן פּעריאָד — צו געווינען דעם לייענער פאַר זײַנע אידעאַלן דורך אַן אינטערעסאַנטן לייענשטאָף — איז ספּעקטאָרן געלונגען בשעתו נישט אין קיין קלענערער מאָס. זײַן שטעלונג צו ליטעראַטור האָט ספּעקטאָר אַליין פאָרמולירט אין איינער פון זײַנע רעצענזיעס „די ליטעראַטור איז דאַן נוצלעך און דעריבער אויך נויטווענדיק, ווען זי האָט אַ געזונטע טענדענץ, ווען רעכטע, גוטע מענטשנפרײַנד און ריכטיקע אידעען הערשן אין איר. ווען זי האָט שלעכטע אידעען, איז זי שרעקלעך, און דאַן איז נויטווענדיק זי נישט צו האָבן. ווען זי האָט קיין אידעען, איז זי אומנוצלעך און דעריבער אויך נישט נויטווענדיק" („הויז־פרײַנד", באַנד 3, זײַט 251).

שאול סטופּניצקי

איז געבוירן אין ביעלסק, גראָדנער געגנט, אין יאָר 1876. ער באַקומט אַ פרומע ייִדישע דערציִונג, לערנט אין חדר, דערנאָך אין דער ישיבה און אין 1895 פאָרט ער קיין פּראָג צו לערנען אין רבנים־סעמינאַר. ער הייבט אָן שרײַבן אין העברעיִש און זײַן ערשטן אַרטיקל פאַרעפנטלעכט ער אין „המליץ" אין יאָר 1896. אין 1897 פאָרט סטופּניצקי קיין היידעלבערג שטודירן פילאָסאָפיע און געשיכטע און אַ יאָר שפּעטער פאָרט ער אָפּ קיין בערן וווּ ער זעצט פאָר זײַן שטודיום. אונטער דער ווירקונג פון דער סאָציאַליסטישער און ראַדיקאַלער סטודענטנשאַפט הייבט ער זיך אָן צו פאַראינטערעסירן מיט סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

אין יאָר 1901 קומט סטופּניצקי קיין וואַרשע, וווּ ער טרעט אַרײַן אַלס מיטאַרבעטער אין „די ייִדישע פאָלקסצײַטונג", אָנגעפירט פון מ. ספּעקטאָר און חוץ דעם גיט ער זיך אויך אָפּ מיט שרײַבן פּראָקלאַמאַציעס. אָבער אין 1903 פאַרלאָזט ער וואַרשע און פאָרט אָפּ קיין גענף, וווּ ער ווערט סעקרעטאַר פון „ביוראָ פאַר דער ייִדישער הויכשול" אונטער דער אָנפירונג פון חיים ווייצמאַן. באַווירקט פון אבא רובענטשיק ,דעם פירער פון די מינסקער פּ"צ, שליסט זיך סטופּניצקי אָן אין דער גרופּע, און נאָכן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל אין 1904 באַזעצט ער זיך אין מינסק, וווּ אין משך פון צוויי יאָר באַטייליקט ער זיך אין די אומלעגאַלע אויסגאַבעס פון זײַן גרופּע און אויך אין דעם לעגאַלן פּאַרטיי־אָרגאַן „די ייִדישע ווירקלעכקייט", וואָס איז אַרויס אין ווילנע. נאָך דער צונויפגיסונג פון די מינסקער פּ"צ מיט די ס"ס טרעט ער אַרויס פון דער גרופּע און פאָרט אַריבער קיין וואַרשע.

די ערשטע צײַט נאָך זײַן אָנקומען אַרבעט סטופּניצקי אַלס סעקרעטאַר פון וואַרשעווער עמיגראַציע־ביוראָ בײַ דער ייִטאָ און נאָך דער גרינדונג פון „הײַנט" אין 1908 ווערט ער דאָרט מיטאַרבעטער אין דער רעדאַקציע. ער שרײַבט דאַן פּאָליטישע אַרטיקלען און פּרעסע־איבערבליקן אָן איבעררײַס ביזן אויסבראָך פון דער מלחמה אין 1914. דערנאָך שרײַבט ער אויך פּובליציסטישע אַרטיקלען און פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען אונטערן נאָמען: „מלוכה און נאַציע", וואָס איז שפּעטער אַרויס אין בוכפאָרעם מיטן נאָמען: „דאָס רעכט פון דער נאַציאָנאַלער מינדערהייט" (פאַרלאַג „וויסנשאַפט", וואַרשע 1913), „אַסימילאַציע אין דער ייִדישער געשיכטע", „קאָאָפּעראַטיוון", „פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן" און נאָך אַנדערע.

צוליב פּרינציפּיעלע חלוקי־דעות מיט דער רעדאַקציע פון „הײַנט", אין שײַכות מיט די וואַלן צום וואַרשעווער שטאָטראַט אין 1916 טרעט ער אַרויס פון דער צײַטונג און שרײַבט דערנאָך אין „וואַרשעווער טאַגעבלאַט" אַרטיקלען איבער נאַציאָנאַלע רעכט און ייִדישער אויטאָנאָמיע. שפּעטער ווערט ער רעדאַקטאָר פון ווענטלעכן אָרגאַן פון דער פאָלקספּאַרטיי „דאָס פאָלק". אין 1918 נעמט ער איבער די רעדאַקציע פון „לובלינער טאַגעבלאַט", וווּ ער אַרבעט ביז 1926. בלויז אַ קורצער איבעררײַס איז זײַן אַרבעט אין וואַרשעווער דזשאָינט און אויך בעת די וואַלן צום סיים אין 1922, ווען ער רעדאַגירט דעם פאָלקיסטישן טעגלעכן אָרגאַן „לובלינער נײַעס". אגב איז ער שוין דאַן אַ פירער פון די פאָלקיסטן.

אין 1924 פאַרלאָזט סטופּניצקי ווידער וואַרשע און ער באַזעצט זיך אין ריגע, וווּ ער ווערט ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון דער דאָרטיקער טעגלעכער ייִדישער צייטונג „פּרימאָרגן". דאָ האָט ער פאַרענדיקט זײַנע „טרוימער און פירער", וואָס ר'האָט פריִער געדרוקט אין המשכים אין „לובלינער טאָגבלאַט". דאָס זענען זכרונות פון די סטודענטיש־עמיגראַנטישע קאָלאָניעס אין שווייץ און דײַטשלאַנד, וווּ ס'ווערן אַרויסגעבראַכט ייִדישע און רוסישע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געשפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָלע אין ייִדישן און אַלגעמיינעם לעבן. אַ צווייטע סעריע זיינע זכרונות: „צײַטן, מענטשן און געשטאַלטן" (געדרוקט אין „פּרימאָרגן") האָבן געשילדערט דאָס ישיבה־לעבן אין לאָמזשע, איישישאָק און ראַדין און דאָס סטודענטישע לעבן אין פּראָג, היידעלבערג און אַנדערע שטעט.

זײַנע גרעסערע ווערק זענען: „ייִדישע ראַסע און קולטור", „אידעען און פּאַרטייען אויף דער ייִדישער גאַס", „די געשיכטע פון דער ייִדישער פילאָסאָפיע", „ברוך שפּינאָזאַ, זײַן פילאָסאָפיע, ביבל־קריטיק, שטאַטסלערע און זײַן באַדײַטונג אין דער אַנטוויקלונג פון מענטשלעכן דענקען" (פאַרלאַג „ייִדיש" וואַרשע 1917, האָט אויסגעהאַלטן עטלעכע אויפלאַגעס) און צולעצט זײַן „אויפן וועג צום פאָלק" („נײַער פאַרלאַג", וואַרשע 1920). דאָס איז אַ זאַמלונג אַרטיקלען, געשריבן זינט 1904, וועגן נאַציע, נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין איראָפּע, ייִדישן נאַציאָנאַליזם, ייִדישע באַוועגונגען, קולטור־אויטאָנאָמיע און דער עיקר וועגן פאָלקיזם.

ש. סטופּניצקי איז אין וואַרשעווער געטאָ אומגעקומען פון הונגער.

סעגאַלאָוויטש זוסמאַן

געבוירן אין יאָר 1884 אין ביאַליסטאָק, אין אַ משפּחה וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ סך רבנים. געלערנט אין פּריוואַטע שולן און אין דער היים. שפּעטער האָט ער געדינט אויף פאַרשידענע שטעלעס ,געווען אויך אַן אַרבעטער אין אַ קאַכל־פאַבריק. אַ גרויסע השפּעה האָט אויף אים געהאַט די רוסישע ליטעראַטור, בפרט טורגעניעוו און דאָסטאָיעווסקי. זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט האָט סעגאַלאָוויטש אָנגעהויבן אין 1903 אין דער ביאַליסטאָקער רוסישער צײַטונג „זאַפּאַדנאַיאַ אָקראַינאַ". אין ייִדיש האָט ער דעביוטירט מיט אַ ליד אין „פרײַנד" אין יולי 1904. צו יענער צײַט איז ער צוגעשטאַנען צום „בונד", פיל חדשים איז ער געזעסן אין די תפיסות. נאָכן ביאַליסטאָקער פּאָגראָם איז ער, צוזאַמען מיט די עלטערן, אַריבערגעפאָרן קיין לאָדזש. דאַן פאַרעפנטלעכט ער לידער אין פאַרשידענע צײַטונגען און זאַמלהעפטן. זײַן ערשטע לידער־זאַמלונג אונטערן טיטל „שטילע טרוימען" — 1909, וואַרשע — איז גינ־

סטיק אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק. ער האָט אויך געשריבן לידער אין פּראָזע, מיניאַטורן און סקיצן. זײַן פּאָעמע „קאַזשימיעזש" — וואַרשע, 1912 — איז איינס פון זײַנע שענסטע און רײַפסטע ווערק. צו יענעם ערשטן פּעריאָד פון זײַן שאַפן, ווען סעגאַלאָוויטש האָט זיך דערהויפּט אָפּגעגעבן מיט לירישער פּאָעזיע, געהערן אויך די לידער וואָס זענען אַרײַן אין דער זאַמלונג „ווען די זון פאַרגייט" — וואַרשע, 1914 — די באַלאַדע „רייזעלע דעם שוחטס" ווי אויך די דראַמאַטישע פּאָעמע „די וואַנט".

די צײַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ער פאַרבראַכט אין רוסלאַנד. ער איז געווען מאָביליזירט און אַ געוויסע צײַט געדינט אין מיליטער. זײַנע איבערלעבונגען פון יענעם פּעריאָד האָט ער געשילדערט אין בוך „מעשיות פון דער קאַזאַרמע". נאָך דער מאַרץ־רעוואָלוציע איז ער באַפרײַט געוואָרן, געלעבט אין פאַרשידענע שטעט ,מאָסקווע און קיִעוו, פאַרעפנטלעכט אייניקע נײַע זאַמלונגען פון זײַנע ווערק: „די גאָלדענע פּאַווע", „אַ לעגענדע וועבט זיך", לירישע לידער", „מיניאַטורן", „בלויקייט". אָנהויב 1919 איז ער דורך ווילנע צוריקגעקומען קיין פּוילן און זיך באַזעצט אין וואַרשע. אַ פּאָר מאָל אויך באַזוכט די גרויסע יִדישע צענטערס אין מערב־אייראָפּע, ווי לאָנדאָן און פּאַריז. אויפגעטראָטן מיט פאָרלעזונגען אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן, זיך באַטייליקט דער הויפּט אין „לאָדזשער טאָגבלאַט", „הײַנט", „לאָנדאָנער צײַט", ניו־יאָרקער „טאָג", אין די זאַמלהעפטן „רינגען", „ליטעראַרישע בלעטער" און אַנדערע וווּ אַחוץ לידער, נאָוועלן, רײַזע־איינדרוקן, אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע טעמעס האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט אַ ריי גרעסערע ווערק. אַ באַזונדער גרויסן דערפאָלג צווישן די ברייטסטע לייענער־קרײַזן האָבן געהאַט זײַנע ראָמאַנען „די ווילדע צילקע" און די אויטאָביאָגראַפישע טרילאָגיע „זעליקס יאָרן". דער ערשטער טייל „אייביק איינזאַם", צווייטער טייל „דאָס אַנאַרכיסטישע מיידל", און דער דריטער טייל „אונדזער פרוי". צו דער דאָזיקער טרילאָגיע שליסט זיך אויך אָן זײַן עפּאָכע־שילדערונג פון 1905 „ראָמאַנטישע יאָרן", געווידמעט זײַן היימשטאָט ביאַליסטאָק. אין דעם דאָזיקן בוך באַשרײַבט ער זײַנע זכרונות און איבערלעבונגען אויס דער צײַט ווען ער האָט זיך באַטייליקט אין דער רוסישער פרײַהייטס־באַוועגונג. מאָמענטן פון דער צווייטער רוסישער רעוואָלוציע האָט ער געשילדערט אין זײַן בוך „פון רוסלאַנד, פון דער רעוואָלוציע". צווישן די נײַע זאַמלונגען פון לידער און דערציילונגען, וואָס ער האָט דאַן אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרעם, האָט אַ באַזונדערן אײַנדרוק געמאַכט „קרימער נעכט", נאָוועלעס און בילדער פון קרים. האָט אויך איבערגעזעצט גאָגאָלס „דער רעוויזאָר", וואָס איז מיט גרויס דערפאָלג אויפגעפירט געוואָרן אויף דער יִדישער בינע פון פּוילן און אַמעריקע.

אַ באַזונדערן חן גיט צו צו דער פּאָעזיע זײַנער דער יוגנטלעכער ראָמאַנטיזם, וואָס קומט באַזונדער שטאַרק צום אויסדרוק אין זײַן דראַמאַטישן עטיוד „די וואַנט", איינס פון זײַנע שענסטע ווערק, וואָס איז אויך אויפגעפירט געוואָרן פון דראַמאַטישע קרײַזן. סעגאַלאָוויטשעס ראָמאַנען האָבן געהערט צו די געלייענטסטע ווערק פון דער מאָדערנער יִדישער בעלעטריסטיק.

נישט צו טיף אין זײַן שאַפן, אָפּט צו סענטימענטאַל, צו ווייניק אָריגינעל אין דער שילדערונג און כאַראַקטעריזירונג פון זײַנע טיפּן און געשטאַלטן, גרינג און גלאַט אין דער שפּראַך, איז ער צוטריטלעך און פאַרשטענדלעך פאַר דעם ברייטסטן לייענער־עולם, אויף וועלכן ער ווירקט מיט זײַן אומגעקינצלטקייט, נישט־פּרעטענציעזקייט און אויפריכטיקייט. אייניקע פון זײַנע לידער און נאָוועלעס זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף רוסיש, פּויליש, רומעניש, פראַנצויזיש און דײַטש.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך געראַטעוועט אינעם ראַטן־פאַרבאַנד, פון וואַנען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין ישראל, וווּ ער האָט אויסגעווייטיקט זײַן צער אין אַ ריי לידער און פּאָעמעס, ווי: „געברענטע טריט", „אַ דאָרן וואָס ברענט", „מײַנע 7 יאָר אין תל־אביב". אויף אַ טור אין נאָרד־אַמעריקע איז זיסמאַן סעגאַלאָוויטש געשטאָרבן אין יאָר 1949.

עטינגער שלמה

געבוירן אַרום 1801 אין וואַרשע, אין אַ יחוסדיקער לומדיש־סוחרישער משפּחה. זײַן פאָטער איז יונג געשטאָרבן, און עטינגער איז דערצויגן געוואָרן בײַם פאָטערס אַ יִנגערן ברודער ר' מענדל, רב אין לענטשנאָ, וועלכער איז פאַר יענער צײַט געווען, ווײַזט אויס, גענוג פרײַדענקעריש און אַפילו געשמט אַלס קענער פון דײַטש. שלמהלע איז אויפגעצויגן געוואָרן בײַם פעטער אין פרומקייט און יִדישקייט, אָבער ער האָט אויך באַקומען אַ ידיעה אין דײַטש און געכאַפּט אַפילו אַ שטיקל באַקאַנטשאַפט מיט די ספרים חיצונים, אַזוי אַז שוין פון קינדווײַז אָן האָבן זיך תורה און חכמה בשלום פאַראייניקט אין אים, און ער האָט נישט געדאַרפט דורכמאַכן דעם ריס צווישן טראַדיציאָנעלער יִדישקייט און וועלטלעכער בילדונג, ווי דאָס איז געווען דער כלל בײַ אַנדערע שרײַבערס און טוערס פון דער השכלה־עפּאָכע.

צו 15 יאָר האָט אים דער פעטער חתונה געמאַכט פאַר דער יִנגסטער טאָכטער פון דעם גביר יהודה־לייב וואָלף אין זאַמאָשטש. מיט דער צײַט אָבער האָט זיך עטינגער געמוזט פאַרטראַכטן וועגן אַ תכלית, און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אָדעס, וואָס האָט דאַן געהאַלטן אין צעבליִען זיך אַלס גרויסער האַנדלס־צענטער. אָבער אויך אין אָדעס האָט ער זיך נישט געקענט צושלאָגן צו עפּעס, און לויט דער עצה פון דעם גרויסן גביר און יחסן ר' יעקב נאַטאַנזאָן, אַליין אויך אַ פּוילישער יִיד, און מיט דער אונטערשטיצונג פון שוואָגער, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין לעמבערג שטודירן. ער האָט זיך געמוזט שיידן מיט זײַנע טראַדיציאָנעלע יִדישע מלבושים און אין 1825 איז ער אָנגעקומען אין דעם מעדיצינישן אינסטיטוט, צוגרייטנדיק זיך פריִער אין דײַטש און לאַטיין. אין 1830 געענדיקט זײַן שטודיום און צוריקגעקומען קיין זאַמאָשטש. עטינגער האָט נישט געטאָרט פּראַקטיצירן אַלס מעדיצינער כל זמן ער האָט נישט אָפּגעגעבן דעם מלוכה־עקזאַמען בײַם וואַרשעווער אוניווערסיטעט. אָבער איידער ער האָט באַוויזן דורכצוגיין דעם געפאָדערטן קורס, איז אויסגעבראָכן דער נאָוועמבער־אויפשטאַנד. בשעת דער שרעקלעכער כאָלערע־עפּידעמיע, וואָס דאָס רוסישע מיליטער האָט פאַרשלעפּט קיין פּוילן זומער 1831, איז עטינגער צוגעצויגן געוואָרן צו דער מעדיצינישער הילפסאַרבעט, וואָס ער האָט געטאָן מיט דער גרעסטער מסירת נפש, און אַ דאַנק דעם האָט ער אויך שפּעטער, ווען דער אויפשטאַנד איז ליקווידירט געוואָרן און ער האָט זיך צוריק אַריבערגעצויגן קיין זאַמאָשטש, נישט געהאַט מצד דער מאַכט קיין שטערונגען צו פאַרנעמען זיך מיט דער מעדיצינישער פּראַקטיק, וועלכע ער האָט געהאַט לרוב, הגם מאַטעריעל איז אים נישט געגאַנגען איבעריק גוט.

זײַן גרעסטע טראַגעדיע איז געווען וואָס ער האָט נישט דערלעבט צו זען קיין איין שורה פון זײַנע ווערק געדרוקט, הגם גע־

שטרעבט דערצו האָט ער אַלע זײַנע יאָרן. אָנגעהויבן צו שרײַבן האָט ער נאָך, ווײַזט אויס, אַלס סטודענט אין לעמבערג אונטער דער ווירקונג פון אַ פאָר יידישע ביכלעך — „די גענאַרטע וועלט" און „אַלטעלי" — אַ באַאַרבעטונג פון ראָבינסאָן קרוזאָ. — זײַנע ערשטע ליטעראַרישע פרוּוון זענען געווען משלים און עפיגראַמען, און אַז זיי זענען דעם עולם שטאַרק געפעלן געוואָרן, האָט ער זיי פאַרפאַסט אין אַ גרויסער צאָל און איז אַריבער צו טעאַטער־שטיק. צו יענער צײַט געהערט מן הסתם אויך זײַן קאָמעדיע „סערקעלע".

דעם 24טן מײַ 1843 האָט דער באַוווּסטער אַנטאָני אײַזענבוים, עטינגערס אַ גוטער פרײַנד, אָנגעגעבן אַ בקשה צום קוראַטאָר פון וואַרשעווער לערנקרײַז, מ'זאָל דערלויבן דרוקן „סערקעלע" און די „משלים", אָנווײַזנדיק דערבײַ אַז „אַזוינע ווערק זענען צוטריטלעך פאַר אַלע קלאַסן יידן. זיי שטעלן אַרויס אין לעבעדיקע פאַרבן די חסרונות און לעכערלעכקייטן, זיי מאָלן טרעפלעך און קאָמיש דעם גאַנצן יידישן שטייגער ריידן, און דעריבער קענען זיי האָבן אַ דערלייזנדיקע השפעה אויף די מוחות". אין דער דאָזיקער השתדלות האָט עטינגער אויך געהאָפט אויף דער פראָטעקציע פון זײַן פרײַנד יעקב טוגענדהאָלד — דער וואַרשעווער צענזאָר — אָבער די צענזור האָט אומברחמנותדיק פאַרקריפלט עטינגערס כתבים, צו דעם גרעסטן עגמת־נפש פון מחבר; און דער סוף איז געווען אַז פון זײַן פלאַן אַרויסצוגעבן זײַנע ווערק איז גאָרנישט אַרויסגעקומען.

געשטאָרבן איז ער פלוצלונג ד' טבת 1856 אין זשדאַנאָוו, און באַגראָבן האָט מען אים אין זאַמאָשטש.

ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך זײַן טויט הייבן זיך אָן צו באַווײַזן געדרוקט זײַנע זאַכן, וואָס זענען מסתמא געווען פאַרשפרייט צווישן זײַנע פרײַנד. די מערערע אויסגאַבעס פון זײַנע ווערק, וואָס זענען דערשינען, זענען געווען פאַרגרײַזטע און צעקריפלטע. ערשט אין 1925 האָבן עטינגערס ווערק באַקומען אַ תיקון דורך דער פולשטענדיקער קריטישער אויסגאַבע פון „אַלע כתבים פון ד"ר שלמה עטינגער", אַרויסגעגעבן לויט די מאַנוסקריפטן מיט אַ ביבליאָגראַפישן און ביאָגראַפישן אַרײַנפיר און מיט הערות פון ד"ר מאַקס ווײַנרײַך. פאַר דער דאָזיקער אויסגאַבע האָט ווײַנרײַך אויסגענוצט דעם דיכטערס עזבון וואָס האָט זיך געפונען טיילווײַז אין רשות פון נח פרילוצקי און דאָס רוב אין באַזיץ פון נתן שאַפיראָ, אַ זון פון עטינגערס טאָכטער דראָטיע.

שלמה עטינגער איז געווען דער גרעסטער יידישער שריפטשטעלער פון דער פאַרמענדעלערישער עפאָכע. עטינגערס ווערק זענען געשאַפן געוואָרן אין דעם צווייטן פערטל פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, אין דער צײַט, אַלזאָ, ווען די השכלה האָט שוין געהאַט פאַרשפרייט איר השפעה איבער די באַדײַטנדיקסטע פאָרשטייערס פון דער נײַער יידישער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד און גאַליציע. און דאָך האָט עטינגער באַוויזן בײַצושטיין קעגן די נעגאַטיווע זײַטן פון דער אויפקלערערישער באַוועגונג, מיט איר פאַראַכטונג צו דער לעבעדיקער יידישער פאָלקסטימלעכקייט, און צום בולטסטן אויסדרוק פון דער דאָזיקער פאָלקסטימלעכקייט — דער יידישער שפראַך. זײַנע ווערק האָבן נאָך עד היום נישט נאָר אַ קולטור־היסטאָרישן, נאָר אויך אַ ריין ליטעראַריש־קינסטלערישן ווערט.

פאָזנאַנסקי שמואל אברהם (1921—1864)

געבוירן אין לובראַניעץ, לעבן וואָצלאַוועק, אַלס זון פון אַ סוחר. דערצויגן געוואָרן אין ראַציאָנזשעק, וווּ ביז 16 יאָר געלערנט אין דער היים מיט אַ מלמד און מיטן פאָטער, דערנאָך אין דער פוילישער „דיקשטיין־שול" און אין פאַנקעוויטשעס רעאַל־גימנאַזיע אין וואַרשע. זינט 1887 שטודירט אין דער „לערן־אַנשטאַלט פאַר דער וויסנשאַפט פון יידנטום" אין בערלין און אין אוניווערסיטעט אין היידעלבערג, וועלכן ער האָט אין 1895 געענדיקט מיטן טיטל ד"ר פילאָסאָפיע פאַר זײַן דיסערטאַציע וועגן משה בן שמואל הכהן אבן נקטילה (געדרוקט אין לײַפציג אויף די מיטלען פון זײַן פרײַנד איגנאַץ בערנשטיין). זינט 1897 געווען פריידיקער אין דער וואַרשעווער סינאַגאָגע, צו ערשט אַלס געהילף פון ד"ר צילקאָוו, דעם איבערזעצער פון תנך און מחזור אויף פויליש, און נאָך צילקאָווס טויט (1908) אַלס ערשטער פרײַדיקער. האָט גענומען אַ טעטיקן אָנטייל אין דעם יאַהודיש־ציוניסטישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין וואַרשע, זייער פיל אויפגעטאָן פאַר דער סינאַגאָגע־ביבליאָטעק, באַזונדער זי באַרײַכערט אויפן געביט פון דער יודאַיִסטישער וויסנשאַפט. איינ׳ער פון די באַדײַטנדיקסטע פאָרשטייער פון דער דאָזיקער וויסנשאַפט, לאַנגיעריקער סעקרעטאַר פון דער געזעלשאַפט „מקיצי נרדמים" (אַרויסצוגעבן מפרשים, וואָס זייערע פירושים זענען נאָך נישט פאַרעפנטלעכט), האָט פאָזנאַנסקי אין זײַנע וויסנשאַפטלעכע ווערק זיך דער הויפט אָפגעגעבן מיט דער תקופה פון די גאונים, מיט די קראים און אַחוץ דעם פאַרעפנטלעכט 784 אַרטיקלען אין פאַרשידענע ענציקלאָפעדיעס און צײַטשריפטן אין דײַטש, פויליש, העברעיִש, פראַנצויזיש, ענגליש א"אַ (אָנהייבנדיק פון דער „הצפירה" 1889 ביז דעם פויליש־יידישן „נאַש קוריער" 1921), פון זיי בלויז 5 אין יידיש — אין „הײַנט" און אין „יודישן פאָלק".

פאַפיערניקאָוו יוסף (1899)

געבוירן אין וואַרשע. זײַן פאָטער, אַ קצב, אַ הייסער ציוניסט, פון די ערשטע חובבי־ציון, האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו צאָלן פאַר אים שכר־לימוד און נאָך 2 יאָר חדר איז ער צו 10 יאָר געוואָרן אַ משורר בײַם קאַנטאָר גרשון סיראָטאַ אונטער דער דיריגענטשאַפט פון לעאָ ליאָוו און 5 יאָר געזונגען אין דער וואַרשעווער כאָרשול. מגולגל געוואָרן בשעת דער מלחמה קיין ליטע, האָט ער דאָרט אָנגעשריבן זײַן ערשטע זאַך, די פאָעמע „דאָס פעלד", מיט וועלכער ער האָט דעביוטירט אין י. מ. ווײַסענבערגס „יודישע זאַמלביכער" 3. שפעטער, וווינענדיק אין וואַרשע, פאַרעפנטלעכט לידער, אויך אַרבעטער־לידער און רעוואָלוציאָנערע, אין די אָרגאַנען פון די לינקע פ"צ „אַרבעטער־צײַטונג", „אַרבעטער־וועלט", אין די יוגנטלעכע מאָנאַטשריפטן „די יוגנט־פאָן", „דער נײַער דור", „די פרײַע יוגנט", אויך אין אַנדערע סאָציאַליסטישע און ליטעראַרישע צײַטשריפטן, צ"אַ אין „דעם חודש" א"ר פון ש. ראָזנפעלד, די זמ"ב „אויפן וועג" (וואַרשע 1920), „אויפגאַנג" (לאָדזש 1924), ווייסענבערגס „שטראָם" און „אונדזער האָפענונג", די וואָכנבלעטער „פאַר גרויס און קליין" א"ר פון ל. מלאך, „דער אַמעריקאַנער", שיקאַגער „קולטור", דעם אָרגאַן פון די פ"צ אין א"י „די פאָן" (תל־אביב 1924).

פאַפיערניקאָוו איז מחבר פון אַ ריי ביכער פאָעזיע: „אין זוניקן לאַנד", „רויט אויף שוואַרץ", „מן הטנא", „פון רויטן פראָנט", „אונטער שוואַרצע הימלען", „היימוויי", „געקליבענע לידער" א"אַ. געפינט זיך הײַנט אין ישראל.

פּערלע יהושע (1888)

געבוירן אין ראַדעם. זײַן פאָטער איז געווען אַ דאָרפסמאַן, האָט געהאַנדלט מיט היי, און פון אים האָט פּערלע געירשנט די ליבע צו פּוילן און צום פּוילישן דאָרף. בײַ 12 יאָר געלערנט אין חדר, דערנאָך אַוועקגעגעבן געוואָרן אין אַ מאַנופאַקטור־געשעפט, נישט געקענט זיך לאַנג דאָרט האַלטן, אָנגעקומען צו אַ שלאָסער, פון אים אין גיכן אַנטלאָפן און אַ דאַנק דער ווירקונג פון דער מוטער זיך אָנגעהויבן צוצוגרייטן צו דער גימנאַזיע, דורכגעמאַכט פיר קלאַסן, אָבער צוליב אַ ראָמאַנטישער געשיכטע (1905) אַוועק קיין וואַרשע ווּו ער איז ביז לעצטנס געווען באַשעפטיקט אַלס באַנקאָנגעשטעלטער. — די ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון האָט פּערלע געמאַכט צו 16 יאָר אין רוסיש — האָט געשריבן ציוניסטישע לידער, געפּרוּווט איבערזעצן ייִדישע שריפטשטעלער. שפּעטער האָט ער זיך נענטער באַקענט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור און אין 1908 דעביוטירט מיט אַ בילד „שבת" אין זמ"ב „דער נײַער גײַסט" א"ר פון נח פּרילוצקי. זינט דאַן האָט ער אין פאַרשידענע צײַטשריפטן און זמ"ב, ווי אויך אין באַזונדערע אויסגאַבעם פאַרעפנטלעכט סקיצן, נאָוועלעס, ראָמאַנען, וועלכע האָבן אים סוף־כל־סוף אַרויסגערוקט אַלס איינעם פון די באַגאַבטערע פאָרשטייער פון דער נײַער ייִדישער בעלעטריסטישער פּראָזע אין פּוילן מיט זײַן נייגונג צו סענטימענטאַל־ראָמאַנטישער שילדערונג פון דעם ייִדיש־פּוילישן שטעטל, פון פּרימיטיווע פאָלקסמענטשן, פון אונטערוועלט־פאַרשוינען, געהערט פּערלע צו די עפּיגאָנען פון דעם אַש און ווײַסנבערגשטייגער אין דער ייִדישער ליטעראַטור, אָבער לײַדט שטאַרק פון צעצויגנקייט. אין זײַנע ווערק, ווי למשל, די דערציילונגען „ציפּערן" (אין „וואַרשעווער אַלמאַנאַך" 1923) „אַן אָרנטלעכע פרוי" („וואַרשעווער שריפטן" 1926), פאַר וועלכע ער האָט באַקומען די דריטע פּרעמיע אין דעם ליטעראַרישן קאָנקורס פון „טאָג", האָט ער איבערגעריסן מיט דער פאַרפּוילישטער סענטאַמענטאַלישקייט און פאַרליטעראַרישקייט, אָנגעהויבן צו שרײַבן מער קאָנסטרוקטיוו און איינהײַטלעך, זיך אָנשליסנדיק אָן דער מאָדערנער ריכטונג פון דעם ייִדישן נעאָנאַטוראַליזם .אַ גרויסן אָרט פאַרנעמט אין פּערלעס שאַפן דער עראָטישער עלעמענט, און אין זײַן ראָמאַן „מירל" — איינעם פון זײַנע בעסטע ווערק — ווי אויך אין אַ גאַנצער ריי נאָוועלעס שילדערט ער די פרוי מיט איר בענקשאַפט, מיט איר ליבע, מיט איר פלירט און מיט איר פּוסטקייט, נישט אויסמײַדנדיק די דראַסטישקייט פון באָקאַטשיאָ־מאָטיוון און באָקאַטשיאָסצענעס. ער איז אַ גוטער קענער פון דער ייִדיש־פּוילישער פרוי, דער פאָלקסטימלעכער, דער בירגערלעכער, דער אַסימילירטער, און שילדערט אויך די מענטשן פון דער גרויסער שטאָט מיט זייערע שוואַכקייטן און זייערע טראַגעדיעס, אַרויסווײַזנדיק אַ שאַרף אויג און אַ חוש פאַר פּלאַסטישער געשטאַלטונג. דער סטיל פּערלעס איז אַ געלאַסענער ,אַ ביסל אַן איינטאָניקער, די שפּראַך — אַ קערנדיקע און אַ זאַפטיקע, נישט גאָר פרײַ פון פּראָווינציאַליזמען.

פון זײַנע ווערק זענען אין בוכפאָרעם אַרויס: „מירל" (פ"ג „די צײַט" וואַרשע 1920) — אַ ראָמאַן (געווידמעט שרהן — זײַן פרוי, וועלכע איז אין 1926 באַגאַנגען זעלבסטמאָרד), „אין לאַנד פון דער ווײַסל" (דער זעלבער פאַרלאַג 1921) — אַ פּאָעמע אין פּראָזע ,ווּו אויפן פאָן פון דעם ייִדיש־פּוילישן לעבן ווערט געשילדערט ווי אַזוי אַ פּריצישע טאָכטער פאַרפירט אַ ייִדיש מיידל צו שמד, „אונטער דער זון (פ"ג ברידער לעווין עפּשטיין וואַרשע, 1920), „זינד" — נאָוועלע (פ"ג ש. יאַטשקאָווסקי — ח. בזשאָזע, וואַרשע, 1923). פּערלע האָט אויך געשריבן ליטעראַרישע און קריטישע עסייען, דער הויפּט אין „ליטעראַרישע בלעטער", איבערגעזעצט דאָס קינדערבוך פון דעם פּויליש־ייִדישן שריפטשטעלער און פּעדאַגאָג יאַנוש קאָרטשאַק (גאָלדשמיד) „משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך" (פ"ג „די צײַט" וואַרשע, 1921), וואַצלאַוו שערעשעווסקיס „מאַן און ווײַב" (פאַרן פ"ג ברידער לעווין־עפּשטיין), „באָרנהאָלמער לעגענדעס" פון דער דענישער שריפטשטעלערן אָלע סווענדסען. זיין ראָמאַן „מירל" איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיִש פון מ. אינדעלמאַן א"ט „בת חוה" (פאַרלאַג „צענטראַל", וואַרשע, 1920).

אין 1937 דערשיינט זײַן כמעט אויטאָביאָגראַפיש בוך „ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר", וואָס איז אין זעלבן יאָר פּרעמירט געוואָרן פון „ייִדישן פּענקלוב אין פּוילן" און פון דער ליטעראַטור־פּרעמיע פון בונד. אין 1940 איז פּערלע אַנטלאָפן פון די נאַציס קיין לעמבערג, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער סאָוועטישער מאַכט. בעתן נאַצישן איבערפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד איז ער מיטן מענטשנשטראָם צוריקגעקומען קיין וואַרשע און ווי ס'זעט אויס האָט ער דאָרט מיטגעאַרבעט מיט רינגעלבלומען. אין צווייטן טייל פון רינגעלבלומס אַרכיוו האָט מען געפונען פּערלעס צוויי אַרבעטן, וואָס זענען שווידערלעכע באַשולדיקונגען קעגן דעם „יודנראַט" און זײַן ייִדישער פּאָליציי. איין אַרבעט אין פאָרעם פון אַ פעליעטאָן אונטערן נאָמען „נומער 4850" (דאָס איז זײַן רעגיסטער־נומער, באַקומען פונעם וואַרשעווער „יודנראַט") איז אַ בלוטיקער חוזק איבערן ייִדישן קאָלאַבאָראַציאָניזם. זײַן צווייטע אַרבעט „חורבן וואַרשע" האָט אַרויסגערופן אַ פאַרביסענע פּאָלעמיק מצד די רעאַקציאָנערע שרײַבער וואָס ווילן אָפּפרעגן די אוממענטשלעכע אויפפירונג פונעם „יודענראַט" לגבי די געטאָ־אָרעמקייט. די פאַקטן און דאַטעס וואָס פּערלע ברענגט אין דער דאָזיקער אַרבעט זענען פולשטענדיק באַשטעטיקט געוואָרן דורך געפונענע דאָקומענטן אין רינגעלבלום־אַרכיוו — טיילווײַז שוין פאַרעפנטלעכטע אין רינגעלבלומס „טאָגבוך פון געטאָ" —

יהושע פּערלע, דער סענטימענטאַליסטישער, באַשיידענער בוכהאַלטער האָט זײַן לעבן אין וואַרשעווער געטאָ פאַרענדיקט אַלס קעמפער. אומגעקומען איז ער דורך די נאַצישע רוצחים אין איינעם פון די גאַזאָוויוונס אין פּוילן.

פּראָפּוס יצחק יעקב (1880)

געבוירן אין מיטאַווע, קורלאַנד. ביז 15 יאָר געלערנט תלמוד אין בויסק, געשמט פאַר אַ ווויללערנער, אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַוועק קיין קאָוונע, ווּו זיך אויך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט אַלגעמיינע לימודים. דאָרט זיך באַקענט מיט אברהם רײַזען און א. ווײַטער און אָנגעהויבן צו שרײַבן. זײַנע ערשטע לידער זײַנען געדרוקט געוואָרן אין אַמעריקע און דערנאָך אויך אין „יוד" און „פרײַנד". אין א. רײַזענס אויסגאַבעם א"אַ. אַ זאַמלונג פון זיי איז אַרויס אין בוכפאָרעם א"ט „לידער" (פ"ג פון „פרײַנד", פּעטערבורג 1905). אין דער הומאָריסטישער אויסגאַבע פון „פרײַנד" (דער בעזעם) און אייניקע ענלעכע אויסגאַבעם האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט סאַטירישע לידער אויף פּאָליטישע און ליטעראַרישע טעמעס א"פּ דאָס מוזיניקל, שמעטערלינג א"אַ. ער האָט אויך איבערגעזעצט די דערציילונגען פון מ. ז. פײַערבערג „דאָס קעלבל" (פ"ג „נײַע ביבליאָטעק", פּעטערבורג 1904), „אין אָוונט", „די קמיע" (פ"ג „קולטור", מינסק 1905), און דעם ראָמאַן פון דזשעק לאָנדאָן „די שטים פון בלוט" (פ"ג „יודיש", וואַרשע 1917), אַחוץ קלענערע זאַכן אין „פרײַנד", ווּו ער האָט געאַרבעט אַלס קאָרעקטאָר די

גאַנצע צײַט פון איר עקסיסטענץ, מיטהעלפנדיק בײַם פאַרפעסטיקן די איינהײַטלעכע ייִדישע אָרטאָגראַפיע, וועלכע איז געווען גילטיק ביז די רעפאָרמען פון די לעצטע יאָרן. צוזאַמען מיטן „פרײַנד" איז פּראָפּוס אַריבער פון פּעטערבורג קיין וואַרשע, ווּ ער האָט זיך לויט דער אָנרעגונג פון י. ל. פּרץ אָפּגעגעבן מיט זאַמלען ייִדישע פאָלקסלידער, געווען איינער פון די מיטגרינדערס און פאָרזיצער פון דעם „אַרטיסטיש ווינקעלע", וואָס האָט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון דעם ייִדישן טעאַטער, זיך אויך באַטייליקט אין די „הזמיר"-אָוונטן אונטערן פאָרזיץ פון י. ל. פּרץ. נאָך דער אָפּשטעלונג פון „פרײַנד", בײַם אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה, האָט ער געאַרבעט אין דער צײַטונג „דער מאָרגנשטערן", וואָס איז דאַן אַרויס בײַ דער „הצפירה", און דערנאָך אַרײַנגעטרעטן אין דער רעדאַקציע פון „מאָמענט", ווּ ער איז געווען סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין דעם „יודישען פאָלק", וואַרשע. אין פּראָפּוסעס באַזיץ איז געווען אַ גרויסע קאָלעקציע ווערטפולע בריוו פון י. ל. פּרץ, י. דינעזאָן, ש"ע, א. רײַזען, ש. פרוג, י. ח. ראַבניצקי, שאול גינזבורג, ש. אַנ-סקי א"אַ.

פּראָפּוס איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

פּינסקי דוויד

געבוירן אין מאָהילעוו, אוקראַיִנע, דעם 5טן אַפּריל 1872, געפינט זיך איצט אין ישׂראל.

דוויד פּינסקיס טעטיקייט אין וואַרשע פאַלט אויס אין די יאָרן 1892—1896. נאָכן גירוש מאָסקווע, ווען זײַנע עלטערן זענען געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן זייער גוט אײַנגעפונדעוועט לעבן אין דער אַלטער רוסישער הויפּטשטאָט, האָבן זיי זיך באַזעצט אין וואַרשע. דער 19יעריקער דוויד איז פריִער אָפּגעפאָרן קיין ווין, ווּ ער האָט אָנגעהויבן שטודירן מעדיצין, אָבער שוין אין אָנהייב 1892 פאַרלאָזט ער ווין און קערט זיך אום צו די עלטערן קיין וואַרשע. דאָרט ווערט ער אַ לערער און גלײַכצײַטיק הייבט זײַן נאָמען אָן צו דערשײַנען אין די דעמאָלטדיקע זאַמלביכער און ייִדישע צײַטשריפטן. דאָס מיינט ניט אַז פּינסקי האָט ערשט דאַן אָנגעהויבן צו שרײַבן. ליטעראַרישע פּרוּוון האָט ער נאָך געמאַכט אין די קינדער-יאָרן און אין עלטער קוים פון עלף יאָר האָט ער שוין געהאַט פאַרפאַסט אַ דראַמע, וואָס איז אַגב כאַראַקטעריסטיש פאַר זײַן ווידמענען זיך שוין אין די רייפערע יאָרן דער עיקר דער דראַמאַטורגיע. ווען פּינסקי האָט, אין יאָר 1891, אויף זײַן וועג קיין ווין זיך אָפּגעשטעלט אין וואַרשע, האָט ער דאַן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ סאַטירע אויף ייִדישע כלל-טוער אונטערן נאָמען: „דער גרויסער מענטשנפרײַנד", וואָס עס האָט שפּעטער פאַרעפנטלעכט מ. ספּעקטאָר אין זײַן „הויז-פרײַנד". נאָך דעם דאָזיקן „דעביוט" האָט פּינסקי פאַרעפנטלעכט אין דעם זעלבן „הויז-פרײַנד" אַ סאַטיריש-הומאָריסטישן פעליעטאָן און אַ פּובליציסטיש-קריטישן אַרטיקל, מיט וואָס ער האָט שטאַרק געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט אין די ייִדיש-ליטעראַרישע קרײַזן. דערנאָך דערשײַנט אין ה. עפּעלבערגס אויסגאַבע: „וואַרשעווער ייִדישער קאַלענדאַר" פּינסקיס דערציילונג: „אַראָפּ דער יאָך" און אין פּרצעס „ייִדישע ביבליאָטעק" ווערן פאַרעפנטלעכט זײַנע גאַסנבילדער אונטערן טיטל „קלייניקייטן". דאָס באַציט זיך צום יאָר 1893. און ס'איז באַזונדער וויכטיק וואָס אין פּרצעס אויסגאַבע האָבן זיך געלאָזט הערן נײַע טענער, נישט באַקאַנטע ביז דאַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור — טענער פון קאַמף קעגן דער ייִדישער רעאַקציע, וואָס האָט זיך דאַן פאַרמאַסקירט אונטער דער באַוועגונג פון „חיבת ציון" און „שפה ברורה" און קעגן וועלכער ס'ווערט גערופן דער ייִדישער אַרבעטער צו וואַכזאַמקייט און פּראָטעסט. פּינסקי האָט זיך שוין דאַן געהאַט דערנענטערט צו די קאָנספּיראַטיווע אַרבעטער-קרײַזן און ער האָט טאַקע אויך אַרײַנגעפירט פּרצן ,מיט וועלכן ער האָט זיך זייער באַפרײַנדעט. פּינסקי איז דאַן געווען מיט דער מיינונג, אַז די ייִדישע ליטעראַטור דאַרף דינען אַלס ווערקצײַג פאַר דער נײַער סאָציאַלער באַוועגונג און דאַרף אַהין אַרײַנפירן דעם אַרבעטער און אָנרעגן אים צו דערוואַכונג. אויף דער איניציאַטיוו פון פּרצן און פּינסקין איז צו יענער צײַט געשאַפן געוואָרן אין וואַרשע אַ קרײַז ייִדישע סטודענטן מיטן צוועק אַרויסצוגעבן און פאַרשפּרייטן פּאָפּולער-וויסנשאַפטלעכע בראָשורן און ביכער פאַר די ייִדישע מאַסן. ביידע האָבן אָנגעפירט מיטן סטודענטן-קרײַז — און ס'איז טאַקע באַלד געגרינדעט געוואָרן אַ ספּעציעלער פאַרלאַג אונטערן נאָמען „י. ל. פּרץ-אויסגאַבע", פאַר וועלכן פּינסקי האָט אָנגעשריבן אַלס אַרײַנפיר אַ ספּעציעלע דערציילונג ,וואָס האָט געדאַרפט אויפווײַזן דעם נוצן פון בילדונג און וויסנשאַפט און וואָס האָט געהייסן „ר' שלמה".

עס קומען דערנאָך פּינסקיס אייניקע באַאַרבעטונגען, אָדער אייגענע זאַכן, וואָס האָבן דעם ציל צו לערנען און אויפקלערן, ווי: „די אפּפען", „דער גרויסער מענטשנפרײַנט" און „אַראָפּ דער יאָך" (דערשינען אין פאַרלאַג יצחק גוידא, ווילנע 1894).

דער געגרינדעטער סטודענטן-קרײַז האָט נישט געהאַט קיין אַריכות ימים און ווען ער איז זיך צעפאַלן, זענען פּרץ און פּינסקי צוגעטרעטן אַרויסצוגעבן דאָס זאַמלבוך „ליטעראַטור און לעבן". פאַר דעם צוועק האָבן זיי אויך צוגעצויגן ספּעקטאָרן, וועמעס שוועגערין האָדל קויפמאַן (זייט 1897 פּינסקיס פרוי) האָט דערויף געגעבן 150 רובל. אין „ליטעראַטור און לעבן" האָט פּינסקי פאַרעפנטלעכט זײַן באַקאַנטע דערציילונג „חיים משרת" און דאָרט זענען אויך געווען אָפּגעדרוקט פּרצעס „דאָס שטרײַמל" און „באָנטשע שווייג". די ווירקונג פון די דאָזיקע זאַכן אויף די ייִדישע אַרבעטער איז געווען אַ קאָלאָסאַלע. באַלד דערנאָך האָבן אויך אָנגעהויבן צו דערשײַנען די באַרימטע „יום טוב-בלעטלעך", רעדאַגירט פון י. ל. פּרצן און ווּ דוויד פּינסקי איז געווען הויפּט-מיטאַרבעטער.

די רעוואָלוציאָניזירנדיקע ראָלע פון די „יום טוב-בלעטלעך", וואָס האָבן פאַרשפּרייט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, האָט זיך שטאַרק געמערקט אויף דער ייִדישער גאַס און די ייִדישע אַרבעטער האָבן דאַן פאַרערט נישט נאָר פּרצן, נאָר אויך פּינסקין. וואָס שייך ספּעקטאָרן, האָט אים גאָרנישט געפעלן דער ראַדיקאַלער טאָן פון די „יום טוב-בלעטלעך" און ער האָט זיך באַלד צוריקגעצויגן. פון דער אַנדערער זײַט האָט זיך שוין פּינסקי נישט צופרידנגעשטעלט מיטן כאַראַקטער פון ספּעקטאָרס „הויז-פריינד" און ער האָט זיך דאָרט אויפגעהערט צו דרוקן. כדי צו שאַפן געלטמיטלען פאַר די „יום טוב-בלעטלעך" מאַכט פּינסקי אַ טור איבער דער פּראָווינץ, ווּ ער גרינדעט די אַזוי גערופענע „זשאַרגאָניסטישע קאָמיטעטן" און ווּ ער לייענט פאָר זײַנע און פּרצעס זאַכן. צוליב די רעפּרעסיעס פון דער צאַרישער מאַכט מוזן זיך אָפּשטעלן די „יום טוב-בלעטלעך" און דערמיט פאַרענדיקט זיך אויך פּינסקיס וואַרשעווער טעטיקייט-פּעריאָד.

אין פרילינג 1896 פאָרט ער אָפּ קיין בערלין, ווּ ער טרעט אַרײַן אין אוניווערסיטעט און זעצט גלײַכצײַטיק פאָר זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט. פּינסקי גרינדעט דאָרט דעם פאַרלאַג „צײַט-גײַסט", וואָס גיט אַרויס זײַן דערציילונג „אַ פאַרפאַלענער", ווי אויך אַ פּאָפּולערע בראָשור וועגן דאַרוויניזם פון דאַווידסאָן. אויך האָט דער

ייִדישער סטודענטן־פאַראיין אַרויסגעגעבן צוויי פּינסקיס ביכלעך וועגן פיזיאָלאָגיע „די לערע פון לעבן”, בערלין 1897.

פּינסקי איז דערנאָך אַריבער אין דער שווייץ, ווּ ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם דאַן סענסאַציאָנעלן מיטינג פון די פרײַנד פון ייִדיש מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקין בראש, וואָס איז פאָרגעקומען אין באַזעל אַ טאָג נאָכן ציוניסטישן קאָנגרעס. צו יענער צײַט האָט שוין פּינסקי געשריבן פאַרן ניויאָרקער „אַבענד־בלאַט” אונטערן פסעוודאָנים ד. פּולס און אויף דער אײַנלאַדונג פון דער דאָזיקער צײַטונג איז ער סוף 1899 אָפּגעפאָרן קיין ניו יאָרק, ווּ ער ווערט מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָר פון דער בעלעטריסטישער אָפּטיילונג פונעם „אַבענד־בלאַט”, ווי אויך פון דער וועכנטלעכער אויסגאַבע „די אַרבעטער צײַטונג”. צוליב דער שווערער עקאָנאָמישער לאַגע און דעם ווּקס פון דעם „פאָרווערטס” האָבן ביידע אָרגאַנען אויפגעהערט צו דערשײַנען אין 1902. אין 1904 ווערט געגרינדעט דאָס וואָכנבלאַט „דער אַרבעטער” אונטער דער רעדאַקציע פון יוסף שלאָסבערג און פּינסקי ווערט דאָרט שטענדיקער מיטאַרבעטער ביז די אויסגאַבע גייט אונטער אין 1911.

אין די דאָזיקע דרײַ צײַטונגען וואָס האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג און ליטעראַטור אין נאָרד־אַמעריקע, האָט פּינסקי פאַרעפנטלעכט אַ ריי דערציילונגען, קריטיק און אַרטיקלען וועגן טעאַטער, וועלכע זענען שפּעטער אַרויסגעגעבן געוואָרן אין בוכפאָרעם אונטערן נאָמען „ייִדישע דראַמאַ”, ניו יאָרק 1909. אין „אַרבעטער” האָט פּינסקי אויך אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג „אין דעם בונדס ראַיאָן”, כדי צו באַקענען די ייִדישע מאַסן אין אַמעריקע מיט דער טעטיקייט פון בונד אין צאַרישן רוסלאַנד. פּינסקי האָט זיך אויך באַטייליקט אין אַנדערע צײַטשריפטן פון אַמעריקע און אייראָפּע, ווי: „צוקונפט”, „דער ייִד”, „דער פרײַנד”. אין 1912 גיט ער אַרויס צוזאַמען מיט יוסף שלאָסבערג אַ ליטעראַריש סאָציאַליסטישן זשורנאַל „די ייִדישע וואָכנשריפט”, פון וועלכן ס׳זענען דערשינען 13 נומערן.

נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם ווערט פּינסקי דורכגעדרונגען מיט ציוניסטישע שטימונגען און דאָס קומט צום אויסדרוק אין זײַן פאַרעפנטלעכער דראַמע „פאַמיליע צבי”, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צו ערשט אין גענף און איבערגעדרוקט באַלד אין ווילנע אין 1905. פּינסקי דערנענטערט זיך אַלץ מער צום פּועלי־ציוניזם און אין 1916 רעדאַגירט ער דעם פּ״צ־אָרגאַן „דער ייִדישער קעמפער”. אין 1922 — ווערט ער שעף־רעדאַקטאָר פון דער טעגלעכער צײַטונג פון דער זעלבער פאַרטיי „די צײַט”.

פּינסקי האָט פאַרדינסטן פאַרן דערהייבן דעם קולטורניוואָ פון די ייִדישע מאַסן אין אַמעריקע. ער באַקעמפט דעם געלן זשורנאַליזם און וועקט אינטערעס פאַר ערנסטער ליטעראַרישער שאַפונג. אין ערשטן פעריאָד פון זײַן שאַפונג איז ער אַקטיוו פאַרבונדן מיט דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג און אין זײַנע דערציילונגען שילדערט ער די אויפוואַכונג פון פּראָלעטאַרישן און מענטשלעכן פּראָטעסט בײַם ייִדישן אַרבעטער.

זייענדיק טעטיק אין ייִדישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן, איז ער אויך איינער פון די פירער פון דער ייִדישער טעאַטער־געזעלשאַפט אין ניו־יאָרק, ווי אויך מיטגרינדער פון איר אָרגאַן „טעאַליט”. צום מערסטן אינטערעסירט אים טאַקע טעאַטער. זײַן ערשטע דראַמאַטישע שאַפונג, פאַרעפנטלעכט אין ניו־יאָרק אין 1899, איז געווען דער איינאַקטער „יסורים”, ווּ ער שילדערט דעם קאַמף צווישן עלטערן און קינדער, וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אויפן פאָן פון דער ייִדישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. צו יענער צײַט געהערט אויך זײַן צווייאַקטיקע אַרבעטער־דראַמע „אייזיק שעפּטעל”. די שפּעטערדיקע האָבן שוין אַלע מער בולטע ציוניסטישע טענדענץ, ווי די שוין דערמאָנטע „פאַמיליע צבי”. פאַראַן אָבער אויך בײַ פּינסקין פּיעסעס אויף אַבסטראַקטע טעמעס, אינדיווידואַליסטיש־פּסיכאָלאָגישע דראַמעס און נאָך אַנדערע. ס׳זענען באַקאַנט זײַנע דראַמעס: „יעדער מיט זײַן גאָט”, „גאַברי און די פרויען”, „דער לעצטער סך־הכל” און אַנדערע. די צום מערסטן פּאָפּולערע זענען „יאַנקל דער שמיד” און די קאָמעדיע „דער אוצר”. די לעצטע איז פריִער אויפגעפירט געוואָרן אויף דער דײַטשער בינע אין בערלין אין יאָר 1910 און דערנאָך ערשט אויף ייִדיש אין אַמעריקע. אַ סך יאָרן שפּעטער איז דער „אוצר” אַרײַן אין רעפערטואַר פון וואַרשעווער ייִדישן קונסט־טעאַטער „וויקט”.

פּינסקיס באַקאַנטע דראַמע „דער פרעמדער”, פאַרעפנטלעכט נאָך אין 1907, באַהאַנדלט מאָמענטן פון משיח־זוכעניש און איז צו ערשט אויפגעפירט געוואָרן פון מאָסקווער העברעיִשן טעאַטער „הבימה”. פּינסקי האָט שפּעטער געשאַפן אַ צווייטן טייל אויף דער זעלבער טעמע: „דער שטומער משיח”, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין 1919 אין ייִדישן קונסט־טעאַטער אין ניו־יאָרק.

פּינסקי האָט אויך געשריבן אויף היסטאָרישע טעמעס, מיינסטן דערציילונגען, ווּ ער ברענגט אַרויס געשטאַלטן פון דער ייִדישער געשיכטע, ווי: „זרובבל”, „די נסיונות פון רבי עקיבא” און „ברוריה”.

פרילוצקי צבי

געבוירן געוואָרן אין יאָר 1862 אין קרעמעניץ, וואָלין. ער איז דערצויגן געוואָרן אין גײַסט פון דער השכלה, געלערנט אייראָפּעיִשע שפּראַכן און אין 1880 ווערט ער פרײַער צוהערער אין קיִעווער און דערנאָך אין בערלינער אוניווערסיטעט. שוין דאַן שיקט ער אַרטיקלען אין העברעיִשע צײַטשריפטן און דערנאָך באַטייליקט ער זיך אויך אין דער „הצפירה”, וואָס געשעט נאָך אין יענער צײַט, ווען די דאָזיקע צײַטונג איז נאָך געווען קעגן פּאַלעסטיניזם. אין יאָר 1900 באַזעצט זיך צבי פּרילוצקי אין פּעטערבורג, ווּ ר׳איז ביז 1903 אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער — און אַ געוויסע צײַט אויך פּאָליטישער רעדאַקטאָר — פון „המליץ”. ער באַטייליקט זיך אויך אין „הזמן” און אין רוסיש־ייִדישן וואָכנבלאַט „בודושטשנאָסט”, ווי אויך אין „יעווריעסקי יעזשעגאָדניק”.

אין ייִדיש דריקט ער זיך צום ערשטן מאָל אין לעאָן ראַבינאָוויטשעס „בלעטער פון אַ טאָגבוך” און שוין אין 1902 באַמיט ער זיך בײַ דער צאַרישער מאַכט צו באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויסצוגעבן אַ ייִדישע צײַטונג אין וואַרשע ענלעך צום „פרײַנד”, וואָס איז שוין דאַן דערשינען אין פּעטערבורג. די דערלויבעניש באַקומט ער ערשט אין 1905 און דעם 14טן אויגוסט 1905 דערשײַנט די ערשטע ייִדישע צײַטונג אין פּוילן אונטערן נאָמען „דער וועג”. די צײַטונג איז אונטער דער רעדאַקציע פון צבי פּרילוצקי, וואָס באַזעצט זיך שוין דאַן אין וואַרשע און פאַרבלײַבט דאָרט שוין ביז זײַן טויט. דער פאַרלעגער פון דער צײַטונג איז געווען אינזש׳ י. ב. איפּאָ, וואָס האָט געשטרעבט צו פאַרשפּרייטן קולטור צווישן די ייִדישע פאָלקסמאַסן דורך אַ ייִדישער צײַטונג. אַלס מיטאַרבעטער זענען צוגעצויגן געוואָרן: ד״ר עליאַשעוו, ה. ד. נאָמבערג, ד״ר וואָרטמאַן, ל. שאַפּיראָ און נאָך אַנדערע. צוליב אינערלעכע רײַבונ־

גען און מאַטעריעלע שוועריקייטן האָט „דער וועג” בלויז עקסיסטירט צוויי חדשים און דער אַרויסגעבער איפאַ האָט צוגעלייגט 25.000 רובל.

מער מזל האָט שוין געהאַט ש. י. יאַצקאַנס קאָפיקע־בלעטל אונטערן נאָמען „ייִדישעס טאַגעבלאַט”, וואָס איז געווען די גרעסטע קאָנקורענץ פאַרן דערשײַנען פון נײַע צײַטונגען. ערשט אין 1907 איז געלונגען צו גרינדן אַ קאָאָפעראַטיווע צײַטונג אונטערן נאָמען „אונדזער לעבן”. די אַרויסגעבערס זענען געווען מ. ספעקטאָר און ש. האָכבערג, און זיי האָבן צוגעצויגן צבי פרילוצקין אַלס הויפטמיטאַרבעטער. פיר יאָר צײַט האָט פרילוצקי דאָרט געשריבן פאָליטישע איבערזיכטן אונטערן נאָמען „דער מאָמענט”. סוף 1910 איז זײַן זון נח, מיט דער הילף פון אייניקע שותפים, געלונגען צו שאַפן אַ נײַע צײַטונג מיטן נאָמען „דער מאָמענט” און צבי פרילוצקי איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג, אָנהאַלטנדיק דעם פאָסטן ביז דער נאַצישער אָקופאַציע פון וואַרשע, ווען אַלע ייִדישע צײַטונגען זענען אָפגעשטעלט געוואָרן. אין 1914 האָט אויך אָנגעהויבן צו דערשײַנען בײַם „מאָמענט” אַ „מיטאָגבלאַט” און מיט עטלעכע יאָר שפעטער אַ נײַע אויסגאַבע אונטערן נאָמען „ראַדיאָ”.

אין אַרויסגעגעבענעם אַלמאַנאַך צום 10־יאָריקן יובילײ פון „מאָמענט” איז געווען פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט פון צבי פרילוצקי אונטערן נאָמען: „די ראָל פון דער ייִדישער פרוי אין מאָדערנעם ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן”.

ווען די נאַציס האָבן אין יאָר 1939 אָקופירט וואַרשע, איז שוין צבי פרילוצקי געווען אַלט און קראַנק און האָט נישט געקענט מער פאַרלאָזן דאָס בעט. ער האָט אַפילו נישט געקענט טראַכטן וועגן ראַטעווען זיך דורך אַנטלויפן אויף דער רוסישער זײַט, ווי עס האָבן געטאָן אַ סך ייִדישע שרײַבערס.

אין גיכן איז ער טאַקע געשטאָרבן, אויסמײַדנדיק אַזוי אַרום דאָס אומקומען פון די אַכזריותדיקע נאַצישע הענט.

פרילוצקי נח

נח פרילוצקי איז געבוירן אין בערדיטשעוו דעם ערשטן אָקטאָבער 1882. די קינדעריאָרן פאַרברענגט ער אין קרעמעניץ, ווּ ער לערנט העברעיִש און ייִדישע געשיכטע און גלײַכצײַטיק וועלטלעכע לימודים אין דער שטאָטישער שול, וועלכע ער ענדיקט אין 1898. דאַן גייט ער איבער אין דער פראָגימנאַזיע פון צויזמיר, און שפעטער קומט ער אָן אין פינפטן קלאַס פון דער וואַרשעווער 3טער גימנאַזיע. צוליב דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע פון די עלטערן גיט ער לעקציעס, און ווען ער ענדיקט די גימנאַזיע מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל, טרעט ער אַרײַן אין יורידישן פאַקולטעט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט. אין 1903 ווערט ער אַדמיניסטראַטיוו אַרעסטירט פאַר אָרגאַניזירן די דעמאָנסטראַציע אין פוילישן דראַמאַטישן טעאַטער פון וואַרשע, ווּ מ'האָט דאַן געשפילט די אַנטיסעמיטישע פיעסע „דאָס גאָלדענע קאַלב”. אין 1904 האָט ער שוין געמוזט אָפזיצן 2 חדשים אין פאַוויאַק פאַר אָנטיילנעמען אין אַ מיטינג פון לינקע סטודענטן, כאָטש ר'איז דאַן געווען טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אַלס מיטגליד פון סטודענטן־פאַראיין „קדימה” און פון קאָמיטעט „ציוני־ציון”. אין 1905 ווערט פרילוצקי אויסגעלאָשן פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט פאַר זײַן באַטייליקן זיך אין אַ מיטינג פון לינקע סטודענטן, ווּ ר'האָט אין דער אַלגעמיינער רעזאָלוציע אויך אַרײַנגעבראַכט די פאָדערונג פון אַ נאַציאָנאַל־ייִדישער שול אויפן חשבון פון דער מלוכה.

אין יענער צײַט איז אין גאַנץ קרוינפוילן פאָרגעקומען דער שטרײַק פון די מיטלשולן צוליב דער פאָדערונג אײַנצופירן פויליש אַלס לערנשפראַך אָנשטאָט רוסיש. נח פרילוצקי האָט דאַן אָרגאַניזירט די ייִדישע שילערס פון די וואַרשעווער מיטלשולן אונטער דער לאָזונג פון אַ נאַציאָנאַלן שולוועזן מיט ייִדיש אַלס לערנשפראַך.

נח פרילוצקי האָט אָנגעהויבן שרײַבן אין רוסיש, אָבער שוין אין יאָר 1900 פאַרעפנטלעכט ער אין לעאָן ראַבינאָוויטשעס זשורנאַל „בלעטער פון אַ טאָגבוך” עטלעכע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען אין ייִדיש, באַנוצנדיק זיך מיט די פסעוודאָנימען „סטודענט אַנאַליזין”, „האָפמאַן” און אַנדערע. ער האָט אויך געשריבן העברעיִש און פאַרעפנטלעכט פובליציסטישע אַרטיקלען און פעליעטאָנען אין „המליץ” אין יאָר 1901 און אַ נאָוועלע אין „הצופה” אין 1905. זײַן זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין ייִדיש האָט ער אָנגעהויבן אַלס מיטאַרבעטער פון „וועג” אונטער דער רעדאַקציע פון זײַן פאָטער און שפעטער אַרבעט ער אויך מיט אין „אונדזער לעבן”.

בעת דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז נח פרילוצקי אויסגעקליבן געוואָרן אין דער „קאָמיסיע פון 7”, וועלכע האָט אויסגעאַרבעט די באַרימטע רעזאָלוציע וועגן ייִדיש אַלס נאַציאָנאַלע שפראַך פון ייִדישן פאָלק.

נח פרילוצקי גיט זיך אָפ וואָס אַ מאָל מער מיט פאָרשונגען פון דער ייִדישער שפראַך, און ווען ער ענדיקט אין יאָר 1909 אַדוואָקאַטור אין פעטערבורג און באַזעצט זיך דערנאָך דעפיניטיוו אין וואַרשע, גיט ער זיך אָפ, אַחוץ זײַן אַדוואָקאַטור, אויך מיט פילאָלאָגישער און ליטעראַרישער טעטיקייט. ער רעדאַקטירט דאַן די ליטעראַרישע זאַמלהעפטן „דער יונגער גײַסט” און „גאָלדענע פונקען”, אַרום וועלכע ס'גרופירן זיך די יונגע ייִדישע שריפטשטעלערס אין פוילן.

אין יאָר 1910 איז ער פון די הויפט־אָרגאַניזאַטאָרן פון דער נײַער טאָגצײַטונג „דער מאָמענט”, פון וועלכן ער איז געבליבן אַרויסגעבער און מיטאַרבעטער ביז 1939.

די אַרטיקלען וואָס נח פרילוצקי פאַרעפנטלעכט זענען אויף פאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעמעס, ווי אויך וועגן טעאַטער, קונסט און פילאָלאָגיע.

בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען וואַרשע איז געווען אָקופירט פון די דײַטשן, זענען דאָרט פאָרגעקומען וואַלן צום שטאָטראַט. פרילוצקי וואַרפט זיך דאַן ענערגיש אַרײַן אין וואַלקאַמף און האַלט אָפ אַ גלענצנדיקן נצחון. קעגן די ציוניסטן, אָרטאָדאָקסן און אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן דאַן אויף דער ייִדישער גאַס געמאַכט יד־אַחת, און אויס מורא פאַר די פוילישע אַנטיסעמיטן, האָבן זיי זיך אָפגעזאָגט פון מער ווי אַ העלפט ייִדישע מאַנדאַטן; האָט פרילוצקי זיך געשטעלט בראש פון דעם געגרינדעטן דורך אים „ייִדיש־דעמאָקראַטישן וואַל־קאָמיטעט”, פון וועלכן ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס ראַטמאַן. מיט זײַנע אַרויסטריטן אין שטאָטראַט לטובת דער ייִדישער שפראַך און ייִדישע ענינים האָט פרילוצקי דערוואָרבן אַ גרויסע פאָפולאַריטעט און ער איז אויך געוואָרן דער פירער פון דער דורך אים געגרינדעטער „ייִדישער פאָלקספאַרטיי”, וואָס האָט אָנגעהויבן שפילן אַ ראָלע אין פאָליטישן ייִדישן לעבן. פרילוצקי האָט אויך געהערט צו די גרינדערס פון דעם „ייִדישן שול־ און פאָלקסבילדונג־פאַראיין”, וואָס האָט אָר־

גאַניזירט אַ גאַנצע רײ ייִדיש־וועלטלעכע שולן. פּרילוצקי העלפט אויך אָרגאַניזירן די ייִדישע האַנטווערקערס און קליינהענדלערס, און ווען אין 1917 קומט פאָר אין וואַרשע די ערשטע ייִדישע קולטור־קאָנפערענץ אין פּוילן, פירט ער מיט איר אָן.

זומער 1918 ווערט פּרילוצקי אויסגעוויילט אין דעם דאַן אַנטשטאַנענעם „מלוכה־ראַט" און נאָכן פאַרטרײַבן די דײַטשע אָקופּאַנטן און נאָכן גרינדן די פּוילישע רעפּובליק, ווערט ער אויסגעוויילט אַלס דעפּוטאַט פון דער פאָלקספּאַרטיי צום פּוילישן סיים, ווּ ער אינטערוועניִרט ענערגיש קעגן נגישות און עקסצעסן לגבי דער ייִדישער באַפעלקערונג און שטעלט זיך אײַן פאַר די ייִדישע רעכט. אין אַפּריל 1919 באַטייליקט זיך פּרילוצקי אין דער סיים־קאָמיסיע, וועלכע איז לויט זײַן איניציאַטיוו אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין פּינסק אויסצופאָרשן די טראַגעדיע פון די דערשאָסענע, אָן אַ משפט, 34 ייִדן, און אַ דאַנק אים האָט דער סיים אָנערקענט די ריכטיקייט פון דער באַשולדיקונג און באַשלאָסן איבערצוגעבן דעם געריכט די באַשולדיקטע מיליטאַרן.

כדי פּטור צו ווערן פון פּרילוצקין האָט די מאַנדאַטן־קאָמיסיע פּלוצלונג אויסגעפונען אַז ער איז געבוירן אין בערדיטשעוו און אַלס פרעמדן האָט מען געפּסלט זײַן סייממאַנדאַט (זײַן אָרט האָט דאַן פאַרנומען נאָמבערג). פּרילוצקי האָט שפּעטער צוריקגעשטעלט זײַנע רעכט אַלס פּוילישער בירגער און איז אין נאָוועמבער 1922 ווידער אויסגעוויילט געוואָרן פאַר אַ דעפּוטאַט צום צווייטן סיים. חוץ זײַנע פּובליציסטישע אַרטיקלען אין „מאָמענט" האָט פּרילוצקי אויך געשריבן אין פאָלקיסטישן אָרגאַן „דאָס פאָלק", וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אין יאָר 1925.

די גאַנצע צײַט האָט זיך פּרילוצקי אָפּגעגעבן מיט דער גרעסטער התמדה מיט ייִדישער פילאָלאָגיע, באַזונדער מיט די געביטן פון פאָלקלאָר און דיאַלעקטאָלאָגיע. ער האָט דער ערשטער אויפגעשטעלט אין אונדזער פילאָלאָגיע די פּראָבלעם פון די ייִדישע דיאַלעקטן און אין זײַנע אויסגאַבעס האָט ער זיך באַמיט איבערצוגעבן געטרײַ פאָנעטיש אַלע ניואַנסן פון די פאַרשידענע ייִדישע רעד־אופנים. ער האָט קלאַסיפיצירט די ייִדישע דיאַלעקטן לויט דרײַ טעריטאָריעס: מיזרח־ייִדיש (ליטע, רוסלאַנד, אוקראַיִנע), מיטל־ייִדיש (קאָנגרעס־פּוילן, גאַליציע) און מערב־ייִדיש (מערן, אונגאַרן, דײַטשלאַנד). אין בוכפאָרעם האָט ער פאַרעפנטלעכט אין 1911 „ייִדישע פאָלקסלידער" און צוזאַמען מיט ש. לעהמאַנען האָט ער אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלן אָרגאַן פון פילאָלאָגיע: נח פּרילוצקיס „זאַמלביכער פאַר ייִדישן פאָלקלאָר, פילאָלאָגיע און קולטור־געשיכטע" („נײַער פאַרלאַג", וואַרשע. ערשטער באַנד אין 1912, צווייטער באַנד אין 1917).

שפּעטער האָט פּרילוצקי, צוזאַמען מיט ד"ר מאַקס ווײַנרײַך און זלמן רײַזען, געגרינדעט דעם זשורנאַל „ייִדישע פילאָלאָגיע" (צוויי־חודשדיקע בלעטער פאַר שפּראַך־וויסנשאַפט און עטנאָגראַפיע, דערשינען 3 ביכער אין פאַרלאַג קולטור־ליגע, דאָס לעצטע בוך מיט דער שטיצע פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין 1924—1926).

אין די פאַרעפנטלעכטע נח פּרילוצקיס כתבים זענען פאַראַן אַ סך פילאָלאָגישע אַרבעטן, און עטלעכע ביכער זענען געווידמעט דער ייִדישער דיאַלעקטאָלאָגיע און גראַמאַטיק, „ייִדישע דיאַלעקטולוגישע פאָרשונגען", „מאַטעריאַלן פאַר אַ וויסנשאַפטלעכער גראַמאַטיק און פאַר אַן עטימולוגיש ווערטערבוך פון דער ייִדישער שפּראַך", „דער ייִדישער קונסונאַנטיזם און ווּקאַליזם" א"א, אַרויסגעגעבן

אין די יאָרן 1920—1924 דורך די פאַרלאַגן „נײַער פאַרלאַג" און „קולטור־ליגע". („נח פּרילוצקיס זאַמלביכער פאַר ייִדישן פולקלור, פילולוגיע און קולטורגעשיכטע"). זײַנע פילאָלאָגישע אַרבעטן דריקט פּרילוצקי לויט זײַן אייגענער אָרטאָגראַפיע, וואָס האָט טיילווײַז בײַגעטראָגן צו דער רעפאָרמירונג פון ייִדישן אויסלייג.

פּרילוצקי האָט אויך ביכער וועגן ייִדיש טעאַטער, און ס'גייען דאָרט אַרײַן אָפּטיילונגען וועגן ייִדישע דראַמאַטורגן, ווי יעקב גאָרדין און שלום־עליכם און אַזעלכע באַקאַנטע אַרטיסטן ווי מאָריס מאָסקאָוויטש און יעקב ליבערט און די וואַרשעווער אסתר רחל קאַמינסקי און פעני וואַדי עפּשטיין.

ווען די נאַציס אָקופּירן וואַרשע, אַנטלויפט נח פּרילוצקי קיין ראַטן־פאַרבאַנד און געפינט זיך שפּעטער אין ווילנע אונטער דער סאָוועטישער מאַכט. ער איז פּראָפעסאָר פון ייִדיש אויפן ווילנער אוניווערסיטעט. בײַם אָפּטרעטן פון דער רויטער אַרמיי, ווען די נאַציס פאַרכאַפּן ווילנע, קומט ער אום פון די רוצחישע הענט פון די באַרבאַרן.

פייגענבוים בנימין — שמחה־בונים

ער איז געבוירן אין וואַרשע דעם 12טן אויגוסט 1860 אין אַ מיוחסדיקער חסידישער משפחה. זײַן זיידע איז געווען איינער פון די דרײַ דיינים אין וואַרשע, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דאָס געזעצלעכע ציוויל־געריכט פאַר ייִדן אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט. דערצויגן געוואָרן אין חסידישן גײַסט, האָט ער אין דער יוגנט זייער פיל געלערנט גמרא. צו 22 יאָר איז ער געוואָרן אויס חסיד און אָנגעהויבן צו אַגיטירן צווישן די ישיבה־בחורים פאַר השכלה און בילדונג.

אין 1884 איז ער אַוועק קיין אַנטווערפּן, ווּ ער איז אין אַ קורצער צײַט אַרום געוואָרן טעטיק אין דער אָרטיקער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אַפילו אַרײַן אַלס מיטגליד אין דער רעדאַקציע פון דעם אָרגאַן פון דער בעלגישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי „דער וועקער" — אין פלעמיש. אין 1886 אָנגעהויבן צו שרײַבן ייִדיש און העברעיִש. דעם 16טן דעצעמבער 1887 פאַרעפנטלעכט ער אין „אַרבעטער־פרײַנט" — רעדאַקטאָר פיליפּ קראַנץ — אַן אַרטיקל „העלפט זיך זעלבסט". ער ווערט גלײַך אײַנגעלאַדן צו קומען קיין לאָנדאָן, ווּ ער איז אין גיכן פּאָפּולער געוואָרן אַלס פעיִקער אַגיטאַטאָר, לעקטאָר און סאָציאַליסטישער שרײַבער. צוזאַמען מיט פיליפּ קראַנצן איז ער געווען דער אָנפירער פון דער באַקאַנטער דעמאָנסטראַציע פון די ייִדישע אַרבעטסלאָזע אין לאָנדאָן צום אייבערראַבינער אין שיל (1889). נאָכן אויספּרובירן אָן הצלחה פאַרשידענע פּרנסות, ווי סטאָלערײַ און אַ טאַבאַק־געוועלבל, ווערט ער אָנגעשטעלט אַלס טעכנישער רעדאַקטאָר פון „דער פרײַער וועלט" אונטער דער רעדאַקציע פון ק. גאַללאָפּ, און בײַ דער הויפּט־מיטאַרבעטערשאַפט פון מ. באַראַנאָוו, מ. ווינטשעווסקי, ק. ליבערמאַן, וואָס די גרופּע „פּראָלעטאַריאַט" האָט אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן.

אין 1891 הייבן אָן אַרויסצוגיין זײַנע בראָשורן, וואָס דערשײַנען אין לאָנדאָן און ווערן געדרוקט אַלס אַרטיקלען אין דער ניו־יאָרקער „אַרבעטער־צײַטונג", און דערנאָך אומלעגאַל פאַרשפּרייט אין פּוילן און אין ליטע. „די גאולה אָדער די ייִדישע הילף", „ווי אַזוי קומט אַ ייִד צום סאָציאַליזם" און אַנדערע, זענען גע־

וואָרן די פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור פאַר די אויפקלערונגס־קרײַזלעך אין יאָר 1891.

אויף דער אײַנלאַדונג פון דער „אַרבעטער־צײַטונג" איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק. אין אַמעריקע איז ער געווען דער ערשטער גענעראַל־סעקרעטאַר פון „אַרבעטער־רינג" (1900) און האָט געשריבן די פּרינציפּן־דערקלערונג פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. זינט דער גרינדונג פון „פאָרווערטס" איז ער געוואָרן איינער פון די מיטאַרבעטערס. איז אויך געווען פאַרבונדן מיט די פּפּ"ס און זיך באַטייליקט אין די פאַרשידענע אויסגאַבעס פון דער דאָזיקער פּאַרטיי. געווען איינער פון די ערשטע פּאָפּולאַריזאַטאָרן פון דעם וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם אויף ייִדיש. ר'איז געווען רעדאַקטאָר פון דער „צוקונפט", זיך געווידמעט אַ סך דעם קאַמף קעגן דער ייִדישער רעליגיע, און אָנגעשריבן אויף דער טעמע אַ סך בראָשורן. פיל פון זײַנע אַרטיקלען־סעריעס זענען דערשינען אין רוסלאַנד אין בראָשור־פאָרעם, ווי למשל:: „דאַרוויניזמוס" און „שטיינער וואָס פאַלן פון הימל". ער האָט אויך איבערגעזעצט און פאַרזען מיט באַמערקונגען אויגוסט בעבעלס „די פרוי און דער סאָציאַליזמוס", באַאַרבעט פרידריך ענגעלסעס „אַנטוויקלונג פון דער פאַמיליע, פּריוואַט־אייגנטום און שטאַט".

פייגנבוים איז געווען אַ מענטש מיט גלענצנדיקע פעיִקייטן, מיט אַ גוטן זכרון און שאַרפן קאָפּ, דערצו אַן אויסגעצייכנטער רעדנער.

פרישמאַן דוויד

געבוירן אין יאָר 1865 אין זגעזש, בײַ לאָדזש, אין אַ זייער בכבודיקער און יִחוסדיקער פאַמיליע פון אדירים, גבירים און עשירים. באַקומען אַ דערציִונג בײַ גוווערנאַנטינס און לערערס, געלערנט רמבם און פראַנצויזיש, קבלה און טאַנצן. צו 15 יאָר האָט ער דעביוטירט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור מיט אַ קליינער דערציילונג און שירים. אין 1882—1885 גיט ער אַרויס 4 בענד „ידיעות הטבע", וווּ ער פּאָפּולאַריזירט אין העברעיִש נאַטור־וויסנשאַפטלעכע ענינים. אין 1885 איז ער אײַנגעלאַדן געוואָרן קיין פּעטערבורג אַלס מיטאַרבעטער פונעם נײַ־געגרינדעטן טאָגבלאַט „היום". פרישמאַן האָט זיך נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן אין דער „זשאַרגאָנישער" ליטעראַטור, נאָר מיטן אונטערגאַנג פון „היום" און היות די איבעריקע העברעיִשע צײַטונגען האָבן אים נישט געוואָלט דרוקן, האָט ער אָנגעהויבן צו שרײַבן ייִדיש. דעביוטירט האָט ער אין „יודישן פאָלקסבלאַט" אין 1888 מיט זײַן באַלאַדע „אויפן בערגל" — אין דעם אייגענעם נומער פון „ייִדישן פאָלקסבלאַט" האָט אויך דעביוטירט ש. פרוג. פרישמאַן ווערט גלײַך אײַנגעלאַדן פון שלום־עליכמען מיטצואַרבעטן אין זײַן ייִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק", פאַר וועלכער פרישמאַן האָט דאַן איבערגעאַרבעט אויף ייִדיש זײַן פּאָעמע „אופיר". אין דעם זעלבן נומער פון דער „ייִדישער פאָלקס־ביבליאָטעק" האָט אויך דעביוטירט י. ל. פּרץ מיט זײַן פּאָעמע מאָניש. און טאַקע צוליב דעם צופאַל האָט מען פאַרגליכן ביידע דעביוטאַנטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור און אויף דעם באָדן איז אַנטשטאַנען דער לאַנגדויערנדיקער ליטעראַרישער קאַמף פרישמאַן־פּרץ.

פרישמאַן הייבט זיך אָן צו באַטייליקן אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ער שרײַבט לידער, דערציילונגען און קריטיק, און ווערט פּאַקטיש איינער פון די גרינדערס פון אַן ערנסטערער ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק. כאָטש ער שרײַבט שוין אויך אין ייִדיש, האָט ער זײַן באַציִונג צו ייִדיש נישט געביטן. ער האָט זיך אַלץ באַטראַכט ווי אַ פרעמדער, אַ זײַטיקער. צו דער צײַט געהערט אויך זײַן אַרויסטריט קעגן פּרצן און די ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע „יום־טוב־בלעטלעך". אין 1901 ווערט פרישמאַן אײַנגעלאַדן קיין וואַרשע צו רעדאַקטירן אַ נײַעם העברעיִשן וואָכנבלאַט „הדור", וואָס האָט עקסיסטירט איין יאָר. 1905 באַזעצט זיך פרישמאַן אין וואַרשע אויף שטענדיק, און ווערט אַן אָפטער מיטאַרבעטער אין דער ייִדישער פּרעסע. ער האָט מיטגעאַרבעט אין כמעט אַלע דעמאָלס דערשינענע צײַטונגען, ווי „יוד", „פרײַנד", אין זאַמלבוך „הילף", „וועג", אין ווילנער „טאָג", „פאָלקס־צײַטונג", „אידישעס וואָכנבלאַט", „דער לאַנדס־שדכן", „דער שטראַל" אאַ"וו. זינט דער גרינדונג פון „הײַנט" האָט ער אין דער צײַטונג געשריבן וועכנטלעכע פעליעטאָנען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ צו שאַרפן טאָן קעגן די ייִדישע ליטעראַטן. בכלל זײַן פּאָלעמיק אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַקציע וואָס פּרץ און אַנדערע ייִדישע שריפטשטעלערס און געזעלשאַפטלעכע טוערס האָבן אָנגעפירט פאַר אַ מאָדערנעם ייִדישן קינסטלערישן טעאַטער — 1909—1910 — און זײַנע טיף פּערזענלעכע און אומגערעכטע אָנפאַלן אויף פּרצן, האָבן אים קיין סימפּאַטיע נישט פאַרשאַפט.

ערב דעם אַרײַנקום פון די דײַטשן קיין וואַרשע — 1915 — איז ער אַוועק קיין אָדעס. נאָך דער רעוואָלוציע אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, אַלס רעדאַקטאָר פון דאַן געגרינדעטן „שטיבל־פאַרלאַג" און די זאַמלביכער „התקופה". אַרום 1919 צוריקגעקערט קיין וואַרשע, שפּעטער זיך באַזעצט אין בערלין, ווידער אָנגעהויבן זײַן מיטאַרבעט אַלס פעליעטאָניסט אין „הײַנט". אין דער דאָזיקער צײַטונג האָט ער אויך פאַרעפנטלעכט זײַנע ביבלישע דערציילונגען אוים דער סעריע „במדבר", איינס פון זײַנע שענסטע און שטאַרקסטע ווערק.

פרישמאַן איז געשטאָרבן אין בערלין פון אַ שווערער און פאַרצויגענער קרענק — אַ ראַק — אין אויגוסט 1922.

פרענק עזריאל נתן

געבוירן אין יאָר 1863 אין וואָדזיסלאַוו, קעלצער גובערניע, אין אַ פאַרמעגלעך חסידישער פאַמיליע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע ייִדישע דערציִונג, האָט ער בחורווײַז זיך גענומען צו השכלה, אָנגעהויבן לערנען שפּראַכן, אין גיכן פאַרלאָזט זײַן געבורטשטאָט און זיך באַזעצט אין וואַרשע. געהערט צו אַ נאַציאָנאַל־פּוילישער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, געשטאַנען אין נאָענטע באַציִונגען מיט די פירערס פון די פּוילישע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען, איבערגעזעצט פּוילישע רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור. שפּעטער זיך דערנענטערט צו דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט. צו 20 יאָר אָנגעהויבן זײַן זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין דער העברעיִשער פּרעסע. אין 1887 איז ער אײַנגעלאַדן געוואָרן אַלס מיטאַרבעטער פון דער העברעיִשער ענציקלאָפּעדיע „האשכול". אין משך 1897־1902 געשריבן פון וואַרשע בריוו, פעליעטאָנען און קאָרעספּאָנדענץ אין „המליץ".

ווען די „הצפירה" איז אין 1911 באַנײַט געוואָרן, איז ער אַרײַן אַלס מיטגליד פון דער רעדאַקציע. און נאָכן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַלע מיטאַרבעטערס האָבן פאַרלאָזט וואַרשע, האָט ער כמעט איינער אַליין אויסגעהאַלטן די אויסגאַבע ביז סוף 1916. אין משך פון זײַנע 40 יאָר ליטעראַרישע

טעטיקייט האָט ער זיך באַטייליקט אַלס זשורנאַליסט, בעלעטריסט, איבערזעצער און היסטאָריקער כמעט אין אַלע צײַטונגען און זשורנאַלן פון פוילן און מחוץ פוילן, סײַ העברעיִשע, סײַ ייִדישע. פון זײַנע אַרבעטן האָבן אַ דויערדיקן ווערט נאָר די היסטאָרישע אָפהאַנדלונגען. ער האָט זיך ספעציאַליזירט אויף דער געשיכטע פון די ייִדן אין וואַרשעווער פירשטנטום און בפרט אין קאָנגרעס־פוילן. פון זײַנע ריין־היסטאָרישע אַרבעטן איז כדאי צו דערמאָנען, „די ייִדישע פראַגע אין פוילן אין פאָניאַטאָווסקיס צײַטן", „יהודי פוילן בימי מלחמות נפליון", „לתולדות היהודים בנסיכות וורשה"", די מלחמה קעגן הפקרות", „אין אַמאָליקן וואַרשע", און פיל אַנדערע. איינע פון פרענקס סאַמע ערנסטע און געוויסנהאַפטיקסטע אַרבעטן אויפן געביט פון דער געשיכטע פון דער ייִדישער עקאָנאָמיק איז „עפיזאָדן פון דער געשיכטע פון די ייִדן אין וואַרשע" — אַ נישט פאַרענדיקטע סעריע אַרטיקלען אין „הײַנט", ער האָט איבערגעזעצט אין ייִדיש באָלעסלאַוו פרוס ראָמאַן „פרעה", עליזאַ אָרזשעסקאָוואַס „מירטאַלאַ" א"א.

געשטאָרבן איז ער דעם 1טן פעברואַר 1924 אין וואַרשע.

פרייד מאיר יעקב

געבוירן דעם 31טן אויגוסט 1871 אין קאַלוואַריע, סוואַלקער געגנט, אין אַ בעל־הביתישער פאַמיליע. ביז 12 יאָר געלערנט אין אַ מאָדערניזירטן חדר, געגרייט זיך פאַר אַ דײַטשן ראַבינער, אָבער צוליב ביסמאַרקס גזרה נישט געקענט אָנקומען אין ווירצבורגער סעמינאַר. אין 1889 זיך באַזעצט אין וואַרשע, צו ערשט געווען אַ האַנדלס־אָנגעשטעלטער, שפעטער געעפנט אַן אַנאָנסן־ביוראָ מיט אַ פאַרלאַג און בוכהאַנדלונג. געשריבן העברעיִש און אונטער פרצעס אײַנפלוס אָנגעהויבן צו שרײַבן ייִדיש. געווען דער ערשטער אין ייִדיש צו שרײַבן וועגן דעם לעבן פון בהמות, „די רויטע קאַראָלינאַ", ראָמאַן פון בהמישן לעבן, „מורזאַ" פון הינטישן לעבן א"א. ער איז אויך געווען דער ערשטער אין ייִדיש אַרויסצוגעבן ראָמאַנען אין העפטן, צום בײַשפיל זײַן באַרימטן „קאַפיטאַן דרײַפוס", אַ העכסט אינטערעסאַנטער ראָמאַן פון הײַנטיקער צײַט צו 5 קאָפיקעס אַן עקזעמפלאַר, וואָס איז בסך־הכל אַרויס אין 5 העפטן. ער האָט אין זעלבן פאָרמאַט אויך באַאַרבעט פאַרשידענע באַרימטע דראַמעס און ראָמאַנען. אין 1910 האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַן אילוסטרירטן זשורנאַל „דער שטראַל", האָט פאַרעפנטלעכט אייניקע קאַפיטלען איבער יהואש און מענדעלע מוכר ספרים אין די „ליטעראַרישע בלעטער" (1917). געווען לאַנגיאָריקער מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג און אַ געוויסע צײַט פאָרזיצער פון „הזמיר", „עבריה" און אַנדערע קולטור־פאַראיינען, דער הויפט ציוניסטיש־העברעיִסטישע, געווען פרנס אין דער וואַרשעווער קהילה פון דער ציוניסטישער פראַקציע, איז געווען זייער באַקאַנט צווישן דער וואַרשעווער ייִדישער באַפעלקערונג אַלס „פריידס אַנאָנסן־ביוראָ".

פינקעלשטיין לעאָ

געבוירן אין יאָר 1895 אין ראַדאָם אין אַ סוחריש־למדישער משפחה. געלערנט אין די שולן פון ראַדאָם, קעלץ און קראָקע. אין 1917 אַרײַן אין דעם יאַגעלאָנער אוניווערסיטעט, וווּ ער האָט 4 יאָר שטודירט עקזאַקטע פילאָסאָפיע און פאָלאָניסטיק. זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין 1916 מיט 2 דראַמעס אין פויליש. אין ייִדיש אָנגעהויבן שרײַבן אין 1919 אין „מאָמענט" און שפעטער אין פאָלקיסטישן אָרגאַן „דאָס פאָלק", אין די יאָרן 1923־1925 מיטגעאַרבעט אין „נאַש פשעגלאָנד", און אויך אין די „ליטעראַרישע בלעטער", וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט זייער פיל אַרטיקלען איבער דער אייראָפעיִשער און פוילישער ליטעראַטור, טרעט אויף אַלס לעקטאָר איבער ליטעראַריש־פילאָסאָפישע טעמעס, לעקטאָר איבער פוילישער ליטעראַטור אין די ייִדישע פאָלקס־אוניווערסיטעטן אין וואַרשע בײַ דער „קולטור־ליגע" און „פאָלקס־בילדונגס־ליגע", טעטיק אין דער „פאָלקס־פאַרטיי" דורך וועלכער ער איז אַרײַן אַלס פרנס אין דער וואַרשעווער קהילה. שפעטער אַרײַן אין „בונד". דעם פעריאָד פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער דורכגעמאַכט אינעם ראַטן־פאַרבאַנד, צוריקגעקומען קיין פוילן, אָנטייל גענומען אינעם „צענטראַל־קאָמיטעט פון ייִדן אין פוילן", נאָכדעם אַוועקגעפאָרן קיין נ'־אַמעריקע. אַ שטאַרקן רושם האָט געמאַכט זײַן ווערק „מגילת־פוילן". געשטאָרבן אין ניו־יאָרק אין יאָר 1952.

פרידמאַן קלמן

געבוירן דעם 1טן מײַ 1895 אין וואַרשע. געלערנט אין חדר, שפעטער אין אַ פאָלקסשול. צו 17 יאָר אַרײַן אין „בונד", שפעטער אויסגעוויילט געוואָרן אין צענטראַלראַט פון די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין וואַרשע. צוליב אַ פראָוואָקאַציע געמוזט פאַרלאָזן וואַרשע און אין 1913 אַוועק קיין נ'־אַמעריקע. זיך באַטייליקט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, געווען אַ פראָפעסיאָנאַליסט בײַ די שטריקער־אַרבעטער, געשריבן לידער אין וואַרשעווער „אונדזער לעבן" 1912, אין נ'־אַמעריקע געשריבן אין פאַרשידענע צײַטונגען און זשורנאַלן, אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג לידער אין בוכפאָרם „לעבנס־טענער". געפינט זיך שטענדיק אין נ'־אַמעריקע, איז סעקרעטאַר פונעם „קאָנסיל פון וואַרשעווער ייִדן" אין ניו־יאָרק.

הלל צייטלין

געבוירן אין יאָר 1872 אין קאָרמע, מאָהילעווער גובערניע, אין אַן אָנגעזעענער פאַמיליע. פון 5 ביז 12 יאָר געגאַנגען אין חדר, שפעטער געלערנט פאַר זיך אין בית־מדרש אין פאַרשידענע שטעט פון דער ליטע. אַ דאַנק זײַנע גרויסע כשרונות, דערהויפט דעם זעלטענעם זכרון, געשמט אַלס „קאָרמער עילוי". צו 16 יאָר, נאָכן טויט פון זײַן פאָטער, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיט לערערײַ. צו 18 יאָר האָט ער זיך אָנגעהויבן ערנסט אָפצוגעבן מיט אַלגעמיינע לימודים און זעלבסטבילדונג, איבער הויפט מיטן שטודיום פון דער מעטאַפיזישער שיטה אין דער פילאָסאָפיע. אין האָמעל, וווּ צייטלין האָט זיך באַשעפטיקט מיט העברעיִשע לעקציעס, האָט ער זיך דערנענטערט צו דעם קרײַז פון דער ייִדישער דעמאָקראַטישער באַוועגונג, און דאָס האָט געהאַט אויף אים אַ דעצידירנדיקע ווירקונג. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט געזעלשאַפטלעכע פראַגעס, וואָס דאָס האָט אים אָפגעצויגן פון דער מעטאַפיזיק און דערנענטערט צום פאָזיטיוויזם פון די ענגלישע דענקערס ספענסער, דאַרווין, מיל און צו דער רוסישער אידעאַליסטישער ליטעראַטור. צו דער צײַט געהערט דער אָנהייב פון זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט. דעביוטירט האָט ער מיט זײַן אָפהאַנדלונג

„הטוב והרע“, וווּ ער באַהאַנדלט די פּראָבלעמען פון אָפּטימיזם און פּעסימיזם אין דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע. 1900 האָט ער אָנגעהויבן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און איז געווען דעלעגאַט פון האָמעל אויפן פינפטן ציוניסטישן קאָנגרעס. אונטערן איינדרוק פון דעם קישענעווער פּאָגראָם און אין צוזאַמענהאַנג מיטן אוגאַנדאַ־פּראָיעקט איז ער געוואָרן אַן אָנהענגער פון טעריטאָריאַליזם. אין 1906, אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון אברהם רייזין, האָט ער אין ווילנע אָנגעהויבן צו שרייַבן ייִדיש, דעביוטירט מיט אַ סעריע ליריש־פילאָסאָפישע אַרטיקלען אויף דער טעמע „די בענקשאַפט נאָך שיינקייט“ אין „דאָס ייִדישע פאָלק“. אין זעלביקן יאָר איז ער איינגעלאַדן געוואָרן פון יאַצקאַנען קיין וואַרשע אַלס רעדאַקטאָר פון דעם „אידישן וואָכענבלאַט“, וווּ ער האָט אין זייַן בשעתה באַרימטער סעריע „ערנסטע שמועסן“ ווייַטער געפירט זיין אָנגעהויבענע בייזער מלחמה קעגן דער רעוואָלוציע און בפרט קעגן די ייִדישע לינקע פאַרטייען, וועלכע צעברעקלען, לויט זייַן מיינונג, און שוואַכן אָפּ די קרעפטן פון פאָלק. ער האָט געזוכט צו קעמפן קעגן די אַסימילאַטאָרישע און אַנטירעליגיעזע טענדענצן פון דער ייִדישער גאַס, באַמיִענדיק זיך צו פאַרבינדן די ייִדיש־רעליגיעזע קאָנצעפּציעס מיט די מאָדערנע אידעען. באַזונדער האָבן אין דעם פּרט זיך אויסגעצייכנט זייַנע „בריוועלעך צו דער ייִדישער יוגנט“ אין „הייַנט“, וווּ ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין משך פון די ערשטע דרייַ יאָר פונעם דערשייַנען פון דער צייַטונג. בייַ דער גרינדונג פון „מאָמענט“ סוף 1910 איז ער אַריבער אין דעם דאָזיקן בעל־הביתיש־ייִדישלעכן אָרגאַן אַלס איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטערס.

דעם גרויסן נאָמען בייַ דעם קאָנסערוואַטיוו געשטימטן ייִדישן בירגערלעכן עולם פון פּוילן, בפרט אין די ערשטע יאָרן פון זייַן טעטיקייט אין וואַרשע, האָט אים אָבער געמאַכט זייַן נישט גאַנץ באַשטימטע, אָבער הייסע רעליגיעז־נאַציאָנאַלע פּראָפּאַגאַנדע און זייַן נישט־שטענדיק אָביעקטיווע און טאַקטפולע, אָבער טעמפּעראַמענטפולע און שאַרפע פּאָלעמיק מיט די קעגנערס פון זייַנע אידעעס. בעת דער שאַרפער וואַל־קאַמפּאַניע צום סיים אין 1922 גיט ער אַרויס אַ וואָכנבלאַט „דער בליץ“, וווּ ער באַקעמפט דעם בלאָק פון די ציוניסטן מיט דער אגודה, שטייענדיק נענטער צו דער „פאָלקס־פּאַרטיי“. שפּעטער אָבער, מיט דער פאַרשטאַרקונג פון די ציוניסטישע שטימונגען, האָט ער זיך ווידער דערנענטערט צום ציוניזם, הגם ער מאַכט נישט מיט די אָפיציעלע באַוועגונג און טרעט אויך אַרויס קעגן דעם ציוניסטיש־אַסימילאַטאָרישן העברעיִזם.

ציטלין, דער דענקער, רעדנער, שרייבער, פּובליציסט און קעמפער, האָט אויך געלערנט אין משך פון אַ סך יאָרן די חסידישע, בפרט חבדישע שיטה מיט זייַנע יונגע אָנהענגערס, וואָס פלעגן קומען צו אים קיין וואַרשע פון דער פּראָווינץ אַלס צו דעם בולטסטן פאַרטרעטער פון חסידות אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור. זייַנע דערציילונגען, עסייען, שטודיומס, אַרטיקלען און ביכער וואָלטן אויסגעמאַכט צענדליקער בענד. אָבער דערשינען אין בוכפאָרעם איז אַ קליינע צאָל.

הלל ציטלין האָט זייַנע לעצטע יאָרן מיטגעמאַכט מיט די ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ און געשטאָרבן איז ער ווי אַ קדוש. אין הסכם מיט זייַנע איבערצייַגונגען, ווען די נאַצים האָבן אים געפירט צום אומשלאַגפּלאַץ, איז ער געגאַנגען איינגעהילט אין אַ טלית.

קאָטיק יחזקאל

געבוירן אין יאָר 1847 אין קאַמעניעץ ליטאָווסק, אין אַ קליינשטעטלדיקער נגידיש־חסידישער פאַמיליע. ביז 17 יאָר דערצויגן געוואָרן אין חדר אויף גמרא און פּוסקים. נאָך די פּאָגראָמען אין אוקראַיִנע געקומען קיין וואַרשע, וווּ ער האָט יאָרן לאַנג געהאַלטן דאָס באַרימטע קאַפעהויז אויף נאַלעווקי 31, וואָס איז אַ געוויסע צייַט געווען אַ צענטער פאַר ייִדישע ליטעראַטן, ווי אויך פאַר די טוערס פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. געווען באַקאַנט אין וואַרשע אַלס כלל־טוער און גרינדער פון אַ גאַנצער ריי חברות און צדקה־אַנשטאַלטן. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אייניקע בראָשורן אין העברעיִש און ייִדיש מיט פּראָיעקטן און סטאַטוטן פאַר פאַרשידענע חברות, אַ בוך אין ייִדיש און העברעיִש „עשרת הדברות לבנות ציון“, אַן „אַרבעטער־קאַלענדאַר“. אַ נאָמען אין דער ייִדישער וועלט האָט ער זיך געמאַכט מיט זייַנע מעמוארן „מייַנע זכרונות“.

געשטאָרבן איז ער אין וואַרשע דעם 13טן אויגוסט 1921.

קאָטיק אַברהם הערש

געבוירן אין יאָר 1867 אין קאַמעניעץ־ליטאָווסק, אַ זון פון יחזקאל קאָטיק. געלערנט אין פאַרשידענע חדרים און בייַ מלמדים. אין 1881 אַרייַן אין אַ רעגירונגס־גימנאַזיע אין וואַרשע, אָבער אין 1886 אויסגעשלאָסן געוואָרן פאַר רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און ערשט אין יאָרן אַרום — 1898 — פאַרענדיקט זייַן בילדונג אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט אַלס פּראָוויזאָר. פון דער יוגנט אָן זיך באַטייליקט אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, אָנפירנדיק די פּראָפּאַגאַנדיסטישע אויפקלערונגס־אַרבעט אויף רוסיש. זיך אָנגעשטויסן אויפן פאַקט וואָס די ייִדישע אַרבעטער פאַרשטייען נישט קיין רוסיש, און געקומען צום געדאַנק וועגן דער נויטווענדיקייט צו שאַפן אַ פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ליטעראַטור אין ייִדיש. אין 1894 האָט ער צוזאַמען מיט א. ברעסלער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ סעריע „וויסנשאַפטלעכע פאָלקסביכער“. דאָס ערשטע ביכל איז געווען „ווי אַזוי האָבן מענטשן געלעבט מיט אייניקע טויזנט יאָר צוריק“. צום זעקסטן ביכל איז צוגעגעבן געוואָרן אַ מוסטער־קאַטאַלאָג פון ייִדישע ביכער — די ערשטע פּראָבע פון דעם מין אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

די טענדענץ פון דעם פאַרלאַג האָט כאַראַקטעריזירט דאָס ביכל „אַרבעט און קאַפּיטאַל“. הגם די שפּראַך און די גאַנצע באַאַרבעטונג פון די ביכלעך איז געווען שטאַרק נישט געלונגען, האָט דאָך די אויסגאַבע געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין די פריִערדיקע יאָרן פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. נאָך אַ הפסקה פון עטלעכע יאָר האָט אברהם קאָטיק באַנייַט זייַן פאַרלעגערישע טעטיקייט אין ביאַליסטאָק (1900), האָט געגרינדעט דעם פאַרלאַג „פאָלקס־בילדונג“, וווּ ס׳האָט געאַרבעט אַלס סעקרעטאַר אברהם רייַזען. האָט אַרויסגעגעבן צווישן אַנדערע שלום עליכמס „אַ מעשה אָן אַן עק“. אין 1904 זיך באַזעצט אין מינסק. צווישן אַנדערע אַרויסגעגעבן אַ ביכל וועגן דער פּאַריזער קאָמונע, וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרן, און ערשט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ווידער דערשינען (1918).

אין 1905 איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין מינסק און איז אין זעלבן יאָר, בעת די רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, באַפרייַט גע־

וואָרן. 1912—1913 געווען פאַקטישער רעדאַקטאָר פון דער וועכנטלעכער בייַלאַגע פון „הייַנט" — „דער הויז־דאָקטער". האָט אַרויסגעגעבן אַן אילוסטרירט וואָכנבלאַט „האַנדל און מלאכה". נאָך דער רעוואָלוציע געלעבט אין יאַראָסלאַוו, וווּ ער איז געווען פאַרוואַלטער פון דער פאַרלאַגס־אָפטיילונג פון דעם פאַרבאַנד פון די קאָאָפעראַטיוון. אין 1910 צוריקגעקומען קיין פוילן אַלס אָנפירער פון דער סאַניטאַר־מעדיצינישער אָרגאַניזאַציע בייַם „דזשאָינט". אין 1923 זיך באַזעצט אין ווילנע, געגרינדעט דעם זשורנאַל „פאָלקס־געזונט". אין פעברואַר 1924 געקומען קיין נאָרד־אַמעריקע, אָבער צוליב די עמיגראַציע־באַגרענעצונגען געמוזט אין 1926 פאַרלאָזן דאָס לאַנד און איז אַוועק קיין מאָסקווע, וווּ ער האָט פאַרנומען אַ הויכע שטעלע אין בילדונגס־קאָמיסאַריאַט: געווען פאַרוואַלטער פון אַן אָפטיילונג אין „הויפט־פאָליטישן אויפקלער־קאָמיטעט" פאַר דער פאָליטישער און אַלגעמיינער דערציִונג פון דערוואַקסענע. אין 1927 אַריבער קיין כאַרקאָוו, וווּ ער האָט געשריבן אין „שטערן" פאָפולער־וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען.

קאָטיק האָט אַרויסגעגעבן זייער פיל בראָשורן און ביכלעך, געשריבן כמעט אין אַלע יִדישע צייַטונגען וועגן קולטור, שולפראַגע, ביבליאָגראַפיע, ביבליאָטעקערייַ, עקאָנאָמישע פראַגעס, געזעלשאַפטלעכער היגיענע א"אַ.

קאַזדאַן חיים שלמה

געבוירן אינעם יאָר 1883 אין כערסאָן, בייַ אַ טאַטן אַ מלמד. געלערנט אין חדר, בייַ העברעיִשע לערערס, געווען אַן עקסטערן. זייַן פעדאַגאָגישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין 1902 אין אַ פראָפעסיאָנעלער מיידלשול. געווען טוער צו ערשט אין דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פאַרטיי און דערנאָך אין „בונד". זינט 1908 אָן הפסקות זיך פאַרנומען מיט שולאַרבעט. אין 1918 געווען סעקרעטאַר פון דער קולטור־ליגע אין קיִעוו. סוף 1920 געקומען קיין וואַרשע, וווּ ער ווערט אָנפירער פון דעם פעדאַגאָגישן אַמט בייַ דער „צווישאָ". זיך באַטייליקט אַלס מיטאַרבעטער אין דער „פאָלקס־צייַטונג", געשריבן וועגן דערציִונג און וועגן ליטעראַטור. געווען מיטרעדאַקטאָר פון „שול און לעבן" און „די נייַע שול" — אויסגאַבעס פון דער „ציש"אָ". פאַרפאַסט שולפראָגראַמען און זאַמלונגען פון דער יִדישער קלאַסישער ליטעראַטור. אונטערן טיטל „פאַר שול און היים" מחבר געווען לערנביכלעך. באַטייליקט זיך אין דער איבערזעצונג פון ש. דובנאָווס 10־בענדיקער געשיכטע אויף יִדיש. אין דער לעצטער וועלט־מלחמה זיך געראַטעוועט קיין נאָרד־אַמעריקע.

קאַסעל דוויד

געבוירן דעם 18טן יאַנואַר 1881 אין מינסק. דער פאָטער אַ פראָלעטאַריער, אַ משכיל. די ערשטע דערציִונג באַקומען אין חדר. גאָר פרי אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס בערשטן־אַרבעטער. יִנגלוויַיז אַרייַן אין דער דאַן אויפגעשפראָצטער יִדישער אַרבעטער־באַוועגונג, זיך דערצויגן אין „בונד". בעת דער זובאַטאָווטשינע געווען אַרעסטירט דרייַ חדשים אין מאָסקווע. צו יענער צייַט אָנגעהויבן צו דרוקן זייַנע ערשטע לידער אין אומלעגאַלע בונדישע אויסגאַבעס. זיך באַקענט מיט אַברהם רייַזענען און פון אים אויפגעמונטערט געוואָרן צום שרייַבן. אַ דאַנק אים פאַרעפנטלעכט זייַן ערשט לעגאַל ליד אין „דער אידישער פאָלקסצייַטונג".

אין 1903 געקומען קיין וואַרשע, זיך באַשעפטיקט מיט בערשטערייַ און פון צייַט צו צייַט זיך פאַרנומען מיט ליטעראַרישע אַרבעטן אַלס איבערזעצער, מיטגעאַרבעט אין דער בונדישער „פאָלקס־צייַטונג" און פאַרלאַג „די וועלט", וווּ עס זענען אַרויס זייַנע ערשטע צוויי קליינע ביכלעך, די דערציילונגען „מאַירקע פון קליינעם בונד" — 1907 — און די אַלעגאָריש־רעוואָלוציאָנערע פאָעמע „נישט באַזיגט". אין 1910 זיך באַזעצט אויף שטענדיק אין וואַרשע, וווּ ער האָט אָנגעהויבן זיך צו פאַרנעמען מיט פאַרשידענע ליטעראַרישע אַרבעטן. איבערגעזעצט און באַאַרבעט אַ ריי קינדערזאַכן פאַרן פאַרלאַג „מעשהלעך", צונויפגעשטעלט יִדישע לערנביכער, ווי „געאָגראַפיע", אַלגעמיינע געשיכטע", „יִדישע געשיכטע א"אַ. געווען רעדאַקטאָר פון יעקב לידסקיס פאַרלאַג „יודיש", איבערגעזעצט אַ ריי ווערק פון דער אייראָפעיִשער ליטעראַטור, האָט אויך צונויפגעשטעלט די סעריע „קינדער־ביבליאָטעק" אין וועלכער עס זענען אַרייַן זייַנע באַאַרבעטונגען פון „פעטער טאָם", „קליינע מענטשעלעך", „די וועלט פון חיות", „די לעבעדיקע נאַטור" און אַנדערע. האָט אויך געשריבן אַרטיקלען איבער ליטעראַטור און קונסט. בכלל איז זייַן אַרבעט אַלס איבערזעצער געווען פרוכטבאַר און ווערטפול.

קאַנעל ליבע

געבוירן אין יאָר 1890 אין ביאַליסטאָק. 1917 געענדיקט אין זשענעווע די פעדאַגאָגישע אָפטיילונג פון דעם פאַקולטעט פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן. אין 1919 צוריקגעקומען קיין ביאַליסטאָק, אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן בייַ דעם אויפבוי פון דער נייַער יִדישער שול, שטרעבנדיק אַרייַנצופירן אין דער יִדישער שולאַרבעט דעם גרונטפרינציפ פון דער וויסנשאַפטלעכער פעדאַגאָגיק — צוצופאַסן די פראָגראַמען, מעטאָדן, דיסציפלין־כללים פון דער יִדישער פעדאַגאָגיק צו דער ספעציפישער אייגנאַרטיקייט פון דער פיזישער, מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פון דעם יִדישן קינד. דורכגעפירט אַ ריי אַנקעטעס אין אַלע יִדישע פאָלקסשולן אין וואַרשע (1922—1924), אָנגעשריבן פיל ווערטפולע אַרבעטן וועגן פעדאַגאָגיק.

קאַגאַנאָווסקי אפרים

געבוירן אין יאָר 1893 אין וואַרשע אין אַ בעל־הביתישער פאַמיליע. צו 10 יאָר אַרויסגעוויזן פעיִקייטן צום מאָלן און צו 12 יאָר אָנגעקומען אין דער צייכענונגס־שול אין וואַרשע, וווּ ער האָט געלערנט בלויז אַ האַלב יאָר צייַט. נישט האָבנדיק קיין מיטלען צו שטודירן ווייַטער, האָט ער זיך גענומען צו גאַלאַנטעריי־מאָלערייַ אַלס מיטל צום פאַרדינען. זייַן געפיל פאַר פאַרבן האָט אים דאַן געטריבן צו באַנוצן זיך מיטן וואָרט, און ער האָט אָנגעהויבן צו באַשרייַבן פאַרשידענע מאָלערישע קאָמפאָזיציעס. דעביוטירט האָט ער מיט אַ קליינער נאָוועלע „בייַ נאַכט אין דאָרף", אין דעם וואָכנבלאַט „די טעאַטער־וועלט". ער האָט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פרצן. זינט דאַן געדרוקט פון צייַט צו צייַט נאָוועלעס אין פאַרשידענע אויסגאַבעס. די צייַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און רעוואָלוציע פאַרבראַכט אין אוקראַיִנע, פון וואַנען ער איז אָנהויב 1921 צוריקגעקומען קיין וואַרשע. פאַרעפנטלעכט אין „הייַנט" און אין אַנדערע צייַטשריפטן בילדער און דערציילונגען פון דעם לעבן אין רוסלאַנד בשעת דעם בירגערקריג און

די פּאָגראָמען. געווען מיטאַרבעטער אין וואַרשעווער „אונדזער עקספּרעס", ווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט אין המשכים זײַן גרויס ווערק „פונעם סטאַווקע־געסל" — אויס דעם לעבן אויף דער אָרעמער ייִדישער וואַרשעווער גאַס. זײַנע דערציילונגען און סקיצן זענען אַרויס אין עטלעכע ביכער.

האָט אַדורך געמאַכט די לעצטע וועלט־מלחמה אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז צוריקגעקומען קיין פּוילן, און אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז, ווּ ער לעבט ביז הײַנט און אַרבעט מיט אין פאַרשידענע פּראָגרעסיווע אויסגאַבעס, אין וועלכע ער פאַרעפנטלעכט זײַנע שײַנע שאַפונגען.

קאַציזנע אלטער־שלום

געבוירן דעם 31טן מײַ 1885 אין ווילנע אין אַ פּראָלעטאַרער אַרבעטער־פאַמיליע. זײַן פאָטער איז געווען אַ שמיד און זײַן מוטער אַ שניידערין. ער האָט באַקומען אַ גאַנץ שוואַכע ייִדישע דערציִונג בײַ אַ פּאָר מלמדים און נישט קיין בעסערע אַלגעמיינע בילדונג אין דער רוסיש־ייִדישער אָנפאַנגשול. צו 14 יאָר האָט ער זיך אויסגעלערנט דאָס פאָטאָגראַפיע־פאַך, מיט וועלכן ער האָט זיך פאַרנומען זײַן גאַנץ לעבן. זײַנע ערשטע ליטעראַרישע שריט האָט ער געמאַכט אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אין רוסיש. אין 1909 האָט ש. אַנסקי, מיט וועמען ער האָט שוין דעמאָלט קאָרעספּאָנדירט, אָפּגעדרוקט זײַנע עטליכע נאָוועלעס אין „יעוורעיסקי מיר".

צו יענער צײַט זענען אים צופעליק געקומען אין האַנט אַרײַן פּרצעס ווערק, וועלכע האָבן אים אַזוי באַאײַנפלוסט, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו שרײַבן אין ייִדיש. ער איז אַוועק קיין וואַרשע צו פּרצן, מיט וועלכן ער האָט זיך נאָענט און אינטים באַפרײַנדט.

קאַציזנעס דעביוט אין ייִדיש האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָך פּרצעס טויט — 1915 — מיט זײַנע זכרונות וועגן פּרצן. זײַן ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט אין ייִדיש איז געווען די דראַמאַטישע פּאָעמע „דער גײַסט דער מלך". ער האָט אויך געמאַכט מערערע פּרווון אַרויסצוגעבן ליטעראַרישע זשורנאַלן, ווי די „תיבה", „די גלאָקן", „רינגען", אין וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט מערערע בעלעטריסטישע אַרבעטן: „דער טערק", „דעם לוים טאָכטער", „דער טורעם פון בבל" א״א. ער האָט אויך געשריבן אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס אין צײַטשריפטן און צײַטונגען. ער איז געווען איינער פון די גרינדערס און רעדאַקטאָרן פון די „ליטעראַרישע בלעטער". אינטים איז ער געווען פאַרבונדן מיט אַנסקין ביז די לעצטע טעג פון אַנסקיס לעבן און איינער פון די אַפּוטראָפּסים פון אַנסקיס ליטעראַרישער ירושה, מיטגליד פון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַלע ווערק פון ש. אַנסקי. ער האָט פאַרענדיקט אַנסקיס דראַמע „טאָג און נאַכט". באַקאַנט איז קאַציזנעס טעאַטער־פּיעסע „דער דוכוס". ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט זײַן דראַמע „הורדוס". גאָר פּאָפּולער איז ער געוואָרן מיטן איבערזעצן אַלעקסאַנדער בלאָקס „די צוועלף", וואָס איז רעציטירט געוואָרן אויף אַלע אַרבעטער־אונטערנעמונגען. נישט ווייניקער פּאָפּולער איז געווען אין דראַמקרײַזן זײַן פּאָעמע „פּראָמעטעוס",

מיט געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויטעט האָט ער זיך באַטייליקט אין דער לינקער אַרבעטער־באַוועגונג. געווען רעדאַקטאָר פון דער רעוואָלוציאָנערער טאָגצײַטונג אין פאַשיסטישן פּוילן „דער פרײַנט".

געענדיקט זײַנע שעפערישע יאָרן אין לעמבערג ווּ ער איז פאַרפּײַניקט געוואָרן דורך די נאַציס.

קאַרלינסקי בער

געבוירן אין יאָר 1886 אין קאָלנע, לאָמזשער געגנט, אין אַ בעל־הבתיש לומדישער משפחה. געלערנט אין חדרים און ישיבות. צו 15 יאָר אַריבער קיין ביאַליסטאָק און זיך אָנגעהויבן אָפּצוגעבן מיט זעלבסטבילדונג. זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט לידער אין פּראָזע אין נ. סאָקאָלאָווס „טעלעגראַף". אומגעפער אין 1908 געקומען קיין וואַרשע. געאַרבעט אַלס רעדאַקטאָר אין שימינס פאַרלאַג „וועלט־ביבליאָטעק", פאַר וועלכן ער האָט איבערגעזעצט אַ רייע ווערק, פון אַזעלכע מחברים ווי: אַרטור שניצלער, מאַקס נאָרדוי, הלל צייטלין, קנוט האַמסון. זינט 1915 אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „מאָמענט" געשריבן איבער ליטעראַטור און טעאַטער.

קיפּניס מנחם

געבוירן אין יאָר 1878 אין אושאָמיר, וואָלין. זײַן פאָטער, אַ ייִד אַ למדן, איז געווען אַ חזן. ביז 14 יאָר געלערנט אין תלמוד־תורה און בײַ מלמדים, און גלײַכצײַטיק צוגעהאָלפן זײַן פאָטער זינגען אין בית־מדרש און אויף שמחות. צו קנאַפּע 20 יאָר, שוין אַלס טענאָר, געזונגען אין זשיטאָמירער שיל, זיך געלערנט מוזיק און אויך אַלגעמיינע לימודים.

נאָכן קומען קיין וואַרשע איז ער גלײַך אַרײַנגעטראָטן אין קאָנסערוואַטאָריע. אין 1902, בײַ אַ קאָנקורס, אָנגענומען געוואָרן אַלס איינציקער ייִד פאַר דעם ערשטן טענאָר אין כאָר פון דער וואַרשעווער רעגירונגס־אָפּערע, ווּ ער האָט געזונגען אין משך פון 16 יאָר. אין 1902 אָנגעהויבן זײַן זשורנאַליסטישע טעטיקייט אין „המליץ" וועגן ייִדישער מוזיק. די ערשטע אַרטיקלען וועגן מוזיק פאַרעפנטלעכט אין קרינסקיס וואָכנשריפט „די ראָמאַן־צײַטונג", ווּ ער האָט געפירט אַ שטענדיקע אָפּשאַצונג אונטערן נאָמען „מוזיקאַלישער אַלבום". אין דער אָפּטיילונג געגעבן ביאָגראַפיעס און אָפּשאַצונגען וועגן באַרימטע ייִדישע מוזיקערס און קאָמפּאָזיטאָרן. געשריבן הומאָרעסקעס, פעליעטאָנען, רייזעבילדער, טעאַטער־רעצענזיעס אין „הײַנט". זײַן גרעסטן פאַרדינסט איז דאָס זאַמלען ייִדישע פאָלקסלידער און זיי פּאָפּולאַריזירן דורך זײַנע קאָנצערטן צוזאַמען מיט זײַן פרוי זמרה זעליגפעלד אין אַלע שטעט און שטעטלעך איבער פּוילן, ווייסרוסלאַנד און ליטע. אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

קרוק יוסף

געבוירן דעם 5טן דעצעמבער 1885 אין טשענסטאָכאָוו אין אַן אָרעמער אַסימילירטער פאַמיליע. זײַן זיידע האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די פּוילישע אויפשטאַנדן. קרוק איז שוין אַלס גימנאַזיסט אַרײַן אין אַן אומלעגאַלן פּוילישן סאָציאַליסטישן זעלבסטבילדונגס קרײַז. געווען גרינדער און פירער אין טשענסטאָכאָוו פון דעם ערשטן ייִדישן גימנאַזיסטישן קרײַז מיט אַ סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישן כאַראַקטער. געגרינדעט אויך ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלע

גימנאַזיסטישע גרופעס אין סאָסנאָוויץ, פיעטריקאָוו א״א. אין 1904 האָט דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון אָט די גימנאַזיסטישע קרייַזן אָנגענומען אַ קלאָרע ציוניסטיש-טעריטאָריאַליסטישע פיזיאָגנאָמיע. אין דער צייַט 1903—1904 געווען באַשעפטיקט מיטן אַריבערטראַנספאָרטירן פון אויסלאַנד קיין רוסלאַנד די אומלעגאַלע ליטעראַטור פאַר דער גרופע „וואָרזראָזשדעניע”. נאָכן קישעניעווער פאָגראָם אויך געשוואַרצט געווער פאַרן ייִדישן זעלבשוץ, זיך אָפגעגעבן מיט דער אַרבעט אין דער ס״ס-אָרגאַניזאַציע. נאָכן אַרויסגעשיקט ווערן פון פוילן האָט ער שטודירט אין קראָקעווער אוניווערסיטעט. געגרינדעט די ערשטע ס״ס-גרופע אין גאַליציע.

אין 1906 געקומען קיין וואַרשע, געאַרבעט אין דער ס״ס-אָרגאַניזאַציע, געזעסן אין פאַוויאַק און אין ציטאַדעל. אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, ווּ ער האָט שטודירט פאָליטישע עקאָנאָמיע, פילאָסאָפיע און געענדיקט אַלס דאָקטאָר יורי.

זייַענדיק אין אויסלאַנד, געשריבן אַ סך וועגן ייִדישע עמיגראַציע-פראָבלעמען. סוף 1918 צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד, געווען פאָרשטייער פון די ס״ס אינעם „ראַט פון אַרבעטער, פויערים און סאָלדאַטן”. נאָך דער רעוואָלוציע אין דייַטשלאַנד צוריקגעקומען קיין וואַרשע, געווען מיטגליד אין פרעזידיום פונעם וואַרשעווער אַרבעטער-ראַט. אין 1922 פאַראייניקט די „פאַראייניקטע” מיט דער „אומאָפהענגיקער סאָציאַליסטישער פאַרטיי” פון פוילן, ווּ ער און ד״ר יוזעף דראָבנער זענען געווען אָנפירערס. געווען רעדאַקטאָר פון אַ ריי ייִדישע און פוילישע פאַרטיישריפטן. געווען דעלעגאַט פון זייַן פאַרטיי אויף אַלע קאָנגרעסן פון אַזוי גערופענעם „צוויי און אַ האַלבן אינטערנאַציאָנאַל”. איינער פון די גרינדערס פון דער געזעלשאַפט „אָרט” אין פוילן. טוער אין דער ייִדישער שול-באַוועגונג. די לעצטע צייַט געפינט ער זיך אין ישראל, ווּ ער איז טעטיק אין די מפאַי.

קרינסקי מאַגנוס

געבוירן אין 1863 אין ריזשנוי (רוזשאַני), גראָדנער גובערניע. געלערנט אין חדרים און ישיבות ביז 11 יאָר. צו 19 יאָר זיך אָנגעהויבן אָפגעבן מיט השכלה און אַלגעמיינער בילדונג. אַוועק קיין קיִעוו און זיך געגרייט צום אוניווערסיטעט.

זינט 1903 געוווינט אין וואַרשע. זייַן טעטיקייט אַלס מחבר אָנגעהויבן מיטן אַרויסגעבן דאָס העברעיִשע לערנבוך „ראשית דעת” (1896), וואָס האָט אויסגעהאַלטן 150 אויפלאַגעס. אין 1904 געגרינדעט דעם פאַרלאַג „האור” מיט אַ ייִדישער אָפטיילונג „ביכער פאַר אַלע”, אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי לערנביכער אין העברעיִש, ווי אויך איינס פון די ערשטע מאָדערנע לערנביכער אין ייִדיש „דער ייִדישער לערער”. ער האָט אויך רעדאַקטירט „די ייִדישע ליטעראַטור-וויסנשאַפט”. אין 1907—1908 אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע ייִדישע אילוסטרירטע וואָכנבלאַט אין פוילן און רוסלאַנד „ראָמאַנצייַטונג” און אין 1912 דעם העברעיִשן אילוסטרירטן קינדער-זשורנאַל „השחר”. געווען איינער פון די גרינדערס פון „מאָמענט”. אין 1908 געגרינדעט און אָנגעפירט מיט דער ערשטער מיטלשול אין וואַרשע פאַר ייִדישער יוגנט, באַרימט אַלס „קרינסקיס גימנאַזיע”. געשטאָרבן איז מ. קרינסקי אין וואַרשע אין יאָר 1916.

ראַקאָווסקאַ פועה

געבוירן אין יולי 1865 אין ביאַליסטאָק. דער פאָטער — מיט אַ יחוסקייט פון 36 דורות רבנים. ראַקאָווסקאַ האָט באַקומען אַן אַלגעמיינע און אַ ייִדישע דערציִונג. געלערנט אין חדר צוזאַמען מיט ייִנגלעך חומש און רש״י. צו 12 יאָר געענדיקט אַלס די בעסטע שילערין אַ פריוואַטע פירקלאַסיקע שול. צוליב שרייַבן אום שבת נישט געקענט אָנקומען אין גימנאַזיע און געלערנט אין דער היים שפראַכן און בפרט העברעיִש. צו 15 יאָר געלייענט שוין די נייַע העברעיִשע ליטעראַטור, געלערנט „עין יעקב” און אפילו אַ בלאַט גמרא. זי האָט אָנגעהויבן איבערצוזעצן פון רוסיש אויף העברעיִש און דרוקן אין דער „הצפירה”. אין 1890 אַ גרושה מיט צוויי קינדער, האָט זי דורכגעמאַכט דעם עקזאַמען פון אַ מיטלשול און געוואָרן פאַרוואַלטערין פון אַ שול פאַר מיידלעך אין לאָמזשע. אין אַ פאָר יאָר אַרום ווערט זי פאַרבעטן אַלס אָנפירערין פון „יהודיה” — די ערשטע העברעיִשע שול פאַר מיידלעך אין וואַרשע. דאָ האָט זי אָנגעהויבן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער חובבי-ציוניסטישער באַוועגונג אַלס פראָפאַגאַנדיסטין, דערהויפט צווישן פרויען. געווען צווישן די גרינדערס פון דער ערשטער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין פוילן „בני ציון”. געשאַפן און אָנגעפירט אין וואַרשע אַ נעץ פון ציוניסטישע פרויען יוגנט-פאַראיינען. צוליב דער מלחמה געמוזט זייַן אין ווילנע. אין 1916 איז זי צוריקגעקומען קיין וואַרשע, געאַרבעט אַלס העברעיִשע לערערין אין פריוואַטע גימנאַזיעס, זיך באַטייליקט אויף דער ציוניסטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן (1920). פון דאָרט אַוועק קיין ישראל, ווּ זי האָט געאַרבעט אַלס לערערין אין אַ פאַכשול פאַר מיידלעך. אין אַ יאָר אַרום איז זי צוריקגעקומען קיין פוילן און אַ דאַנק איר ענערגיע האָט זי געשאַפן אין וואַרשע די צענטראַלע פון „אַ ייִדישן פרויען-פאַרבאַנד” מיט אָפטיילונגען אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך אין פוילן. אַלס סעקרעטאַרין פון פאַרבאַנד איז זי געווען איינע פון די פירערינס פון דער בירגערלעכער ייִדישער פרויען-באַוועגונג אין לאַנד.

אַחוץ אַרטיקלען אין דער ייִדישער פרעסע, דערהויפט וועגן דער פרויען-פראַגע, האָט זי פאַרעפנטלעכט די בראָשור „די ייִדישע פרוי און די מאָדערנע פרויען-באַוועגונג”, געווען מיטרעדאַקטאָרין פון דער חודשלעכער „פרויענשטים”. נאָך דעם האָט זי זיך אָנגעהויבן אָפגעבן מיט ליטעראַטור-איבערזעצונגען. צווישן אַנדערע האָט זי פובליקירט אין בוכפאָרעם „ווער איז שולדיק אינעם וועלט-קריג” פון קאַרל קויטסקי, „מעמואַרן פון אַ סאָציאַליסט” פון לילו בראַון, די ראָמאַנען-סעריע פון וויקטאָר מאַרגאַריט „די בחורטע”, „דער חבר”, „דער נייַער דור”, „דייַן קערפער געהערט דיר”. די לעצטע יאָרן האָט זי געלעבט אין ישראל. געשטאָרבן איז זי סוף מייַ 1954.

ראַקאָווסקי מאַרק

געבוירן אין מאַלקין דעם 5טן יוני 1890, ווּ זייַן פאָטער האָט געפירט גרויסע געשעפטן. געלערנט אין חדר און מיט אַ לערער אין דער היים, געענדיקט אַ קורס פון אַ מיטלשול און באַזונדערס זיך אָפגעגעבן מיט שטודירן פרעמדע שפראַכן. ראַקאָווסקי האָט זייַן טעטיקייט אַלס איבערזעצער אָנגעהויבן אין ביאַליסטאָק מיט אַ ביכל „יאַפאָנישע מעשהלעך” און מיט עדמאָנדאָ ד׳אַמיטשיסעס „קליינע מענטשעלעך” און „דער מלך פון די ליאַלקעס”. אין 1922 האָט ראַקאָווסקי באַווירקט דעם סוחר ש. יאַטשקאָווסקי צו גרינדן

אַ יִדישן פאַרלאַג, דערהויפּט פאַר איבערזעצונגען, און אין משך פון דרײַ יאָר האָט דאַקאָווסקי איבערגעזעצט „די פישער פון איסלאַנד" פון פיער לאָטי, „דזשאָוואַני עפּיסקאָפּאַ" פון גאַבריעל ד'אַנונציאָ, און ביכער פון קלאָד פאַרער, לאַפקאַדיע, וו. דאָראָשעוויטש, ג. דע מאָפּאַסאַן, מאַרסעל פּרעוואָסט, קאַטול מענדעס א"אַ. נאָך דעם ווי יאַטשקאָווסקי האָט פאַרקויפט זײַן פאַרלאַג צו ח. בזשאָזאַן, האָט ראַקאָווסקי געגרינדעט אַן אייגענעם פאַרלאַג אונטערן נאָמען „ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי", אין וועלכן עס זענען אין משך פון 1927—1928 אַרויס די ווײַטערדיקע איבערזעצונגען: „סאָלאַמבאָ", מאַדאַם באָוואַרי" פון גוסטאַוו פלאָבער, „טאַרטאַרין פון טאַראַסקאַן„ פון אַלפאָנס דאָדע, „מאַדמואַזעל זשאָפער" פון מאַרסעל פּרעוואָסט, „קירא קיראַלינא" פון פּאַנאַיט איסטראַטי, „דער פרויען־גן־עדן" פון בלאַסקאָ איבאַנעס, „ישוי הנוצרי" פון אַנרי באַרבים א"אַ. ראַקאָווסקי האָט אויך געשריבן ליטעראַרישע אַרטיקלען אין פאַרשידענע צײַטונגען און זשורנאַלן.

רעגאַלסקי מ. — יצחק בערלין

מאַרקאָס רעגאַלסקי — דער פּסעוודאָנים פון יצחק בערלין — איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע דעם 15טן יוני 1885. ער האָט געענדיקט גימנאַזיע אין וואַרשע, געהערט לעקציעס איבער פילאָסאָפיע און ליטעראַטור אין בערלין, 2 יאָר שטודירט אין נ'־יאָרקער אוניווערסיטעט. זײַן געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט ער אָנגעהויבן אין 1903 אַלס ציוניסט, זיך דערנענטערט צו דער גרופּע פון אַרבעטער־ציוניסטן אין וואַרשע, געלייענט לעקציעס איבער דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אויף אומלעגאַלע קרײַזלעך. אין 1904—1905 אַרײַן אַלס מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער ס"ס־פּאַרטיי, אונטערן נאָמען פון איסאַק וואַרשאַווסקי, אַרויסגעטראָטן אויף די גרויסע מיטינגען אין וואַרשע. סוף 1905 געשיקט געוואָרן אַלס אָנפירער פונעם צ.ס"ס קאָמיטעט קיין זשיטאָמיר. אין 1909 קומט ער צוריק קיין וואַרשע, וווּ ער האָט מיטגעאַרבעט אין א. רייזענס „אייראָפּעיִשע ליטעראַטור", ווערט דאָרט אַרעסטירט און נאָך דער באַפרײַונג פון וואַרשעווער תפיסה, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין בערלין, פון וואַנען ער האָט געשריבן פאַר מערערע צײַטונגען. בעתן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער פאַרהאַלטן געוואָרן אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. עטלעכע מאָל האָט אים דאָס דײַטשע אויסלאַנדס־מיניסטעריום פאָרגעלייגט צו ווערן אַ פּרעסע־אַגענט פאַר דײַטשלאַנד וואָס רעגאַלסקי האָט אָפּגעוואָרפן. אַ דאַנק דער הילף פון הערמאַן שטרוק האָט ער סוף 1914 פאַרלאָזט דײַטשלאַנד. אַ קורצע צײַט רעדאַקטירט אין קאָפּענהאַגען אַ קליינע טאָגצײַטונג „דאָס פאָלק", נאָך דעם אַוועקגעפאָרן קיין נ'־יאָרק. דאָרט האָט ער געשריבן אין פאַרשידענע אויסגאַבעס. סוף 1918 איז ער פאַרבעטן געוואָרן קיין בוענאָס־אײַרעס אַלס רעדאַקטאָר פון דעם פּ"צ־וואָכנבלאַט „די נײַע צײַט". ער איז געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „די אידישע צײַטונג". אין די לעצטע יאָרן איז רעגאַלסקי צוריקגעצויגן פון דער טעגלעכער פּרעסע, אָבער ער אַרבעט מיט אין די מפּאַיִשע פּאַרטיי־אויסגאַבעס, וווּ ער פאַרטיידיקט גאַנץ אָפט דעמאָקראַטישע און אַנטימלחמהדיקע שטאַנדפּונקטן.

שאַצקי יעקב ד״ר

געבוירן אין וואַרשע אינעם יאָר 1893. זײַן ערשטע דערציִונג באַקומען אין חדר און בײַ פּריוואַטע לערערס. געאַרבעט אין אַ טוך־געשעפט און נאָך דעם אין אַ ביוראָ. אין 1913 איז ער אַוועק קיין קראָקע ,וווּ ער האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף מאַטורע. שטודירט געשיכטע און פילאָסאָפיע אין לעמבערג, ווין, בערלין און וואַרשע. אין 1918 איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס רעפערענט פאַר יִדישע ענינים בײַם אויסערן־מיניסטעריום אין פּוילן. אין מײַ 1919 איז ער געשיקט געוואָרן פון דער פּוילישער רעגירונג אויסצופאָרשן די בלוטיקע געשעענישן פון די אַפּריל־טעג ,אָבער אַזוי ווי שאַצקיס מאַטעריאַלן וועגן דעם ענין זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן אין אַרכיוו און קיין אויספאָרשונג איז נישט געמאַכט געוואָרן, האָט ער זיך אָנגעגעבן אין דעמיסיע.

שאַצקי איז געווען טעטיק אַלס לערער פון געשיכטע אין די יִדיש־פּוילישע גימנאַזיעס אין וואַרשע און אַלס אַסיסטענט פאַר געשיכטע אין אוניווערסיטעט.

זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט האָט שאַצקי אָנגעהויבן נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, שרײַבנדיק אין יִדישע, פּוילישע און רוסישע אויסגאַבעס. סוף 1922 איז שאַצקי אַוועקגעפאָרן קיין נ'־אַמעריקע, וווּ ער האָט ערשט אָנגעהויבן זײַן ליטעראַריש־פאָרשערישע אַרבעט אין ברייטן פאַרנעם, שרײַבנדיק כמעט פאַר אַלע יִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן. שאַצקיס פאָרש־געביט איז הויפּטזאַכלעך כמעט די געשיכטע פון יִדישן טעאַטער און די יִדישע וואַרשע. שאַצקיס אויסגאַבן אַרבעטן זענען פּובליקירט געוואָרן אין פאַרשידענע זאַמלביכער אין יִיוואָ. ער איז אַ מיטאַרבעטער פון דער אַלגעמיינער יִדישער ענציקלאָפּעדיע ,פּאָרזיצער פון יִדישן פּען־קלוב אין נ'־אַמעריקע, אָנפירנדיקער טוער און אַז"וו.

אין בוכפאָרעם זענען דערשינען „שפּינאָזאַ און זײַן סביבה", „אין שאָטן פון עבר", 3 בענד „געשיכטע פון יִדן אין וואַרשע". יעקב שאַצקי געפינט זיך אין נ'־אַמעריקע.

שוואַלבע נתן

געבוירן דעם 26טן נאָוועמבער 1883 אין לובלין, אין אַ סוחרישע פאַמיליע. געענדיקט די רעאַלשול אין וואַרשע און שטודירט אין קראָקאָווער אוניווערסיטעט. זײַן זשורנאַליסטישע טעטיקייט האָט שוואַלבע אָנגעהויבן אין פּויליש, אַלס רעדאַקציע־מיטגליד פונעם יִדיש־פּוילישן טאָגבלאַט „פּשעגלאָנד צאָדזשעני"" אין וואַרשע — 1913. אין 1914 אַריבער אין „הײַנט". בעת דער מלחמה געגרינדעט אַ יִדיש־פּוילישע צײַטונג „אָפּיניאַ זשידאָווסקאַ", וועלכע איז פאַרמאַכט געוואָרן דורך דער דײַטשער אָקופּאַציע־מאַכט. נאָך דעם געוואָרן שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „נאַש קוריער" און פונעם ציוניסטישן טאָגבלאַט „דאָס יִדישע פאָלק" וואָס האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט'ן „הײַנט". נאָך דעם איז שוואַלבע אַריבער אין „מאָמענט", פון וואַנען ער איז באַזײַטיקט געוואָרן. פון דעמאָלט אָן האָט שוואַלבע געשריבן אין די יִדישע צײַטונגען.

אין 1939 האָט ער זיך געראַטעוועט אין ראַטן־פאַרבאַנד, וווּ ער האָט געאַרבעט אין אַ צוקער־פאַבריק ווי אַ בוכהאַלטער, דאָרט געשטאָרבן.

שיפער יצחק ד״ר

געבוירן אין נאָוועמבער 1884 אין טאַרנע, מערב־גאַליציע. שטאַמט פון אַן אויפגעקלערטער רבנישער פאַמיליע. ביז 16 יאָר געלערנט אין חדר און ישיבה. גלײַכצײַטיק באַזוכט די פוילישע פאָלקסשול און די גימנאַזיע, דערנאָך שטודירט אין די אוניווערסיטעטן פון קראָקע און ווין יוריספרודענץ און פילאָסאָפיע. אין 1907 באַקומען דעם טיטל ד״ר יורי, אַ סך יאָרן געאַרבעט אין דײַטשע און פוילישע אַרכיוון און ביבליאָטעקן. יונגערהייט געשטאַנען נאָענט צו דער פפ״ס, שפעטער, נאָך אַלס גימנאַזיסט, זיך אָנגעשלאָסן צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און געגרינדעט די ערשטע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין מערב־גאַליציע. אין 1903 צוגעשטאַנען צו דער פ״צ־פאַרטיי. אין דער צײַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געדינט אין דער עסטרײַכישער אַרמיי אַלס איינפאַכער זעלנער און שפעטער אַלס מיליטערישער ריכטער. נאָך דער צעפאַלונג פון עסטרײַך אָרגאַניזירט אין קראָקע אַ ייִדישן נאַציאָנאַל־ראַט, פון וועלכן ער איז געווען וויצעפאָרזיצער ,און אַ ייִדישן זעלבשוץ־רעגימענט, וואָס האָט בעת דער פאָגראָם־כוואַליע אין גאַליציע — סוף 1918 — מיט אַ 30 קרבנות, פאַרטיידיקט די ייִדן אין אָשוויענצים, קראָקע, כזשאַנאָוו־בזשעסקאָ א״א. אין 1919 אַרײַן אויפן אָרט פון ד״ר מאַקס ראָזענפעלדן אַלס דעפוטאַט אין פוילישן גרינדונגססיים פון כאָלמער קרײַז און זיך אויף שטענדיק באַזעצט אין וואַרשע. געאַרבעט אין אַלע פראָגראַם־קאָמיסיעס פון געזעצגעבערישן סיים, אויך אין דער קאָמיסיע וועגן דער פינסקער שחיטה, אחוץ דעם אין דער ייִדישער קאָמיסיע און אין דער קאָמיסיע פאַר אַרבעטשוץ. נאָך דער שפאַלטונג פון די פ״צ אַריבער צו די רעכטע, אָבער בעת די וואַלן צום צווייטן סיים אין 1922 איבערגעריסן אויך מיט די רעכטע פ״צ און זיך אָנגעשלאָסן צו די אַלגעמיינע ציוניסטן, אויסדערוויילט געוואָרן פון זייער בלאָק אַלס דעפוטאַט, געווען מיטגליד פונעם אַזוי גערופענעם „ייִדישן קאָלאָ”. אין 1924 אַ געוויסע צײַט געווען פאָרזיצער פון דעם פאַראיין פון ייִדישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע, דערנאָך דירעקטאָר פון ייִדישן אַקאַדעמישן הויז.

אָנגעהויבן זײַן ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט אין 1902 מיט אַן אַרבעט „וועגן קאַזשימיר דעם גרויסנס געזעץ־געבונג לגבי ייִדן” — פאַר וועלכער ער האָט באַקומען די ערשטע פרעמיע פון קראָקאָווער אוניווערסיטעט. זינט דעמאָלט האָט ער מיטגעאַרבעט אין אַ ריי וויסנשאַפטלעכע און אַלגעמיינע זשורנאַלן. אין צאָלרייכע אויסגאַבעס האָט ער פאַרעפנטלעכט זייער פיל אַרבעטן אויפן געביט פון דער ייִדישער געשיכטע, ליטעראַטור און טעאַטער־געשיכטע, אויך קריטישע און פובליציסטישע אַרטיקלען. פון זײַנע גרעסערע אַרבעטן זענען צו פאַרצייכענען „די ייִדן אין טאַרנע” — אין פויליש — „אָנהייב פון קאַפיטאַליזם בײַ ייִדן אין מערב־אייראָפע” — אין דײַטש — שפעטער איבערגעזעצט געוואָרן אין רוסיש ,פויליש און ייִדיש. אין 1911 האָט ער פאַרעפנטלעכט אין פויליש „די ווירטשאַפטס־געשיכטע פון די ייִדן אין פוילן בעתן מיטל־עלטער” איבערגעזעצט אויף ייִדיש פון דניאל לייבל און עמנואל רינגעלבלום.

די וויכטיקסטע ווערק זײַנע האָט שיפער געשריבן אין פויליש און דײַטש. דריי מאָנאָגראַפיעס זענען איבערגעזעצט געוואָרן פון רינגעלבלומען און אַרײַן אין דעם בוך „קולטור געשיכטע פון די ייִדן אין פוילן בעתן מיטל־עלטער”. די אַנדערע קאַפיטלען פון דעם בוך, ווי „ייִדישע קוואַרטאַלן אין פוילן”, „די גדולי הדור”, „קולטור און זיטן” — „געשיכטלעכע בילדער פונעם ייִדישן לעבן אין פוילן”, „די נעמען פון די ייִדן אין פוילן בעת דעם 14טן און 15טן יאָרהונדערט”, „די אומגאַנגסשפּראַך פון די פויליש־רײַסישע ייִדן בעת דעם 14טן און 15טן יאָרהונדערט” — האָט שוין שיפער געשריבן אָריגינעל אין ייִדיש די הויפטשפראַך פון זײַן ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט זינט זײַן באַזעצן זיך אין וואַרשע. צוזאַמען דערמיט פאַרשטאַרקט זיך אויך זײַן אינטערעס פאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער טעאַטער־קונסט, שפראַך און ליטעראַטור, געביטן וועלכע ער האָט די לעצטע יאָרן געווידמעט אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען און מאָנאָגראַפיעס אַלס פאָרשטודיום צו זײַן מאָנומענטאַלער פיאָנערישער אַרבעט — „געשיכטע פון ייִדישער טעאַטער־קונסט און דראַמע פון די עלטסטע צײַטן ביז 1750”.

אָנצאָליק זענען די היסטאָרישע ליטעראַרישע און קריטישע אַרבעטן וואָס שיפער האָט פאַרעפנטלעכט אין צײַטונגען און זאַמלהעפטן, וועלכע האָבן נאָך זייער תיקון אין בוכפאָרעם נישט באַקומען. אַלס פירער פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע בײַם ייִוואָ אין וואַרשע איז שיפער געשטאַנען אין צענטער פון דער ייִדישער היסטאָריאָגראַפיע.

געענדיקט זײַן לעבן האָט שיפער אַלס איינער פון די זעקס מיליאָן קדושים, מאַרטירער און קעמפערס אינעם וואַרשעווער געטאָ.

שמיט, אַנדזשעי

אין די ערשטע חדשים פון 1942 האָט זיך אין געטאָ געיאַוועט דאָס מערקווירדיקע געשטאַלט פון אַנדזשעי שמיט.

וועגן דעם דאָזיקן שלאַנקן, עלעגאַנטן ברונעט, וועלכער האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פון אַ געוויינלעכן פאַצעט, אַ פאַנגער פון פרויענהערצער, זענען אין געטאָ אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע לעגענדעס. מענטשן האָבן זיך אין די אויערן געשעפטשעט, אַז ער האָט זיך אַראָפגעלאָזט אויף אַ סאָוויעטישן פאַראַשוט.

מען האָט דערציילט וועגן אים ווּנדער ,וועגן זײַן העלדישקייט, פלינקייט, דרייסטקייט. באמת איז זײַן נאָמען געווען עליע מאָזעס: (אָדער פיניע קאַרטין) געבוירן אין יאָר 1909 אין מינסק־מאַזאָוויעצק, ווּ ער האָט געענדיקט אַ האַנדלסשול און נאָך אַלס שילער אַרעסטירט געוואָרן פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט. אַרויסגעקומען פון תפיסה, קאָן ער זיך נישט אומקערן צו דער שולבאַנק, ער ווערט אַ שלאָסער־אַרבעטער. ער זיצט ווידער אין תפיסה, דינט אין מיליטער. אין יאָר 1936 פאָרט ער קיין שפאַניע, ווּ ער צייכנט זיך אויס אַלס אָפיציר אין דער דאָמבראָווסקי־אָפטיילונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע און אין דער ייִדישער באָטווין־קאָמפאַניע. ער באַטייליקט זיך אין די שווערע קאַמפן בײַ סאַמאָסיעראַ. אין שפאַניע קען מען מאָזעסן אונטערן נאָמען אַנדזשעי שמיט, אָדער „טשאַרני אַנדזשעי” — דער שוואַרצער אַנדזשעי. דער נאָמען בלײַבט אים ביזן סוף. אַ געוויסע צײַט לעבט ער אין געטאָ אונטערן נאָמען קאַראַטשין.

נאָך שפאַניע קומען די שווערע יאָרן פון די לאַגערן אין פראַנקרײַך און אין צפון־אַפריקע. אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון דער סאָוועטישער רעגירונג ווערט מאָזעס — שמיט — אין איינעם מיט נאָך אַ סך חברים פון שפאַנישן קריג באַפרײַט און איבערגעשיקט קיין ראַטן־פאַרבאַנד. בעתן מלחמה־אויסבראָך אין 1941 געפינט ער זיך אין אַן אָפרוהויז הינטער מאָסקווע. עס דערגייען אַהין די שוידערלעכע גרוסן פון פוילן, פון וואַרשעווער געטאָ. שמיט

קאן נישט רוען. ער שטעלט זיך פרייוויליק צו דער הייליקער ארבעט. דורך אומלעגאלע וועגן קומט ער קיין ווארשע, שטעלט זיך אין די רייען פון פפ”ר, גייט אין געטא און ווידמעט זיין גאנצע דערפארונג דער זאך פון באוואפענען די ייִדישע יוגנט, פון שאפן א זעלבשוץ.

מאזעס־שמיט איז נישט געווען דער איינציקער וואס איז פון וויטן ראטן־פארבאנד געקומען העלפן די ברידער אין געטא. עס איז אויך געקומען — וויזט אויס, אויך אויף א פאראשוט — דער היטל־מאכער איסר קאנדעל, וואס איז אין גיכן געפאלן אין קאמף, און נאך אנדערע.

פון ב. מארקס בוך „חורבות דערציילן . . . ”

פיעטרושקא שמחה (1950—1883)

געבוירן אין פראגע, ביי ווארשע, אין א משפחה פון ווארקער חסידים. ביז 16 יאר געלערנט אין ישיבות און געשמט א”נ דער „פראגער עילוי”, דערנאך אונטער דער ווירקונג פון דעם געלערנטן חיים־יחיאל בארנשטיין און ד”ר ש. א. פאזנאנסקי אנגעהויבן צו שטודירן לימודי־חול און גרייטן זיך פאר ראבינער, מיט דער אונטערשטיצונג פון דעם ספּעציעלן פאנד „לומדי תורה” ביי דער טלאמאצקער סינאגאגע. זשורנאליסטישע טעטיקייט אנגעהויבן 1912 אין דער טאגציייטונג „נייעס”, ארויסגעגעבן פון די אסימילאטארן בעת די וואלן צו דער 4טער גאסודארישער דומע. אין דער צייטונג איבערגעזעצט דערציילונגען פון באלעסלאוו פרוס, עליזא אזשעשקא, מאריא קאנאפניצקא, הענריק שענקעוויטש, אויך געשריבן פאפולער־וויסנשאפטלעכע ארטיקלען א”פ פלוני־אלמוני. בשעת דער מלחמה געענדיקט דעם לערער־סעמינאר פון ד”ר פאזנאנסקי ,געווארן א מיטארבעטער פון דעם טאגבלאט פון די ארטאדאקסן „ דאס ייִדישע ווארט”, איבערגעזעצט א ריי ווערק פון רוסיש און דייטש. א געוויסע צייט געארבעט אלס נאכטרעדאקטאר אין „היינט” ,דערנאך אין אגודיסטישן טאגבלאט „דער יוד”, ארויסגעגעבן א זשורנאל פאר חכמת־ישראל א”ט „תבונה”. זינט דעצעמבער 1920 ביז מארץ 1924 ארויסגעגעבן און רעדאקטירט א וואכנבלאט „דער עמיגראנט”. בשעת די וואלן צום סיים 1922, צוזאמען מיט הלל צייטלין ,ארויסגעגעבן א ריי נומערן פון א פאלעמישן וואכנבלאט „דער בליץ”, דערהויפט געווענדט קעגן דעם בלאק פון צעטל 16. 1924 מיטגעגרינדעט און רעדאקטירט דאס וואכנבלאט „האנדלס־צייטונג”. 1925 אוועק קיין א”י אלס קארעספאנדענט פון „היינט” און שפעטער אויך פון נ׳־י־ער „טאג”, ווו ער האט געשריבן אונטער דעם עטוואס געענדערטן נאמען פעטרושקין. האט אויך געשריבן א”פ פלוני־אלמוני, איש יהודי, יוריסט, באנקאוועץ, קאליף. אין דער צייט פון דער פערטער עליה זענען זיינע בריוו פון א”י געווען זייער פאפולער אלס גוטער מאטעריאל וועגן דער לאגע אין לאנד. סוף 1926 באזוכט אמעריקע און פארעפנטלעכט אין „טאג” אויף היסטארישע און יודאיסטישע אפהאנדלונגען. פון זיינע ארבעטן אין בוכפארעם זענען ארויס: „ארץ ישראל — אלגעמיינע באשרייבונגען פון הייליקן לאנד אין היסטארישער באלייכטונג” (פ”ג „אלטנייאנד”, ווארשע 1921), „יודישע געשיכטע”, — איבערגעזעצט פון הרב הד”ר א. קאטעק, אין גייסט פון דער ארטאדאקסישער טראדיציע (פ”ג „אלט־יודיש”, ווארשע 1921) ד”ר לעהמאנס ראמאן „רבי יאזלמאן”, א בוך פון וולאדימיר סאלאוויאוו, א”א. האט אויך איבערגעזעצט אויף פויליש קאטעקס געשיכטע און די „ניינצן בריוו” פון ד”ר רפאל הירש. 1917—1916 געארבעט פאר דער אוניווערסיטעטס־ביבליאטעק אין ווארשע, א גרויסן ביבליאגראפישן און ביאגראפישן קאטאלאג פון דער ביבליאטעק ביי דער ווארשעווער סינאגאגע. דער גרעסטער ליטעראַרישער אויפטו פיעטרושקאס איז זיכער געווען זיין איבערזעצונג פון „משניות” אויף ייִדיש.

ד”ר שמחה פעטרושקא איז געשטארבן דעם 10טן אפריל 1950 אין מאנטרעאל, קאנאדע.

איינהארן אהרן (1884)

געבוירן אין קיידאן, קאוונער ליטע. ביז 17 יאר געלערנט תלמוד, דאן עקסטערן, געענדיקט א מיטלשול אין פאריז. זשורנאליסטישע טעטיקייט אנגעהויבן אין 1905. אין 1911 זיך באזעצט אין ווארשע. פון 1912 שטענדיקער מיטארבעטער פון „היינט”, ווו ער האט געשריבן פובליציסטישע און ציוניסטישע ארטיקלען, פעליעטאנען, טעאטער־קריטיק, פאלעמיק אונטער פארשידענע פסעוודאנימען. זיך אויך באטייליקט אין איניקע אנדערע אויסגאבעס, ווי: י. מ. וויסענבערגס „ייִדישע זאמלביכער”. האט איבערגעזעצט א גאנצע ריי גרעסערע און קלענערע דערציילונגען פארן „היינט” פון רוסיש, דייטש, פראנצויזיש און אין באזונדערע ביכער — דעם ראמאן פון אנאטאל פראנס „געטער זענען דורשטיק” (פארלאג גיטלין ,ווארשע 1918) און די קאמעדיע פון מאליער „דער קארגער” (פארלאג „די צייט”, ווארשע 1921), וואס איז אויפגעפירט געווארן מיט גרויס דערפאלג פון זיגמונט טורקאוום טרופע.

ביי דער דייטשער אקופאציע אין ווארשע האט אהרן איינהארן אליין א סוף געמאכט צו זיין לעבן דורך איינעמען ציאנקאלי.

נאדעלמאן משה (1902)

געבוירן אין ווארשע, באזוכט א מיטלשול אין לובלין און אפגעגעבן דעם איינטריטס־עקזאמען אין „פרייען אוניווערסיטעט” פון ווארשע. זשורנאליסטישע טעטיקייט אנגעהויבן 1920 מיט הומארעסקעס און פעליעטאנען אין דער פראווינציעלער פרעסע. שפעטער געדרוקט פעליעטאנען אויך א”פ משהלע קלאפער, „דער שטעכעדיקער” אין „מאמענט”, „היינט”, „פאלקסצייטונג”, אין ניו־יארקער „גרויסן קונדס”, „פארווערטס”, אין בוענאס־איירעסער „פאר גרויס און קליין” און „פנימער און פנימלעך”, אין ריגער „פאלק” און „פרימארגן”, פון דער דאזיקער צייטונג איז ער אויך געווען דער ווארשעווער קארעספאנדענט. 1925—1922 שטענדיקער מיטארבעטער פון דעם לאדזשער וויצנבלאט „דער משחית”. אליין ארויסגעגעבן א וויצנבלאט „דער שטיפער” און הומאריסטישע יום־טוב־בלעטער. געשריבן דעם גרעסטן טייל הומאריסטישע טעקסטן פאר דעם ווארשעווער קליינקונסט־טעאטער „עזאזל”, וועלכע האבן געהאט, אונטער דער רעזשי פון דוויד הערמאן, א גרויסן דערפאלג. פון זיי איז פארעפנטלעכט געווארן אין א באזונדערער אויסגאבע „פרישע בייגל”, מאנאלאג פון א בייגל־פארקיופער (ווארשע 1926). בעתן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האט נאדעלמאן זיך געראטעוועט אין ראטן־פארבאנד. ווען ס׳האט זיך דארט געשאפן די קאשטשושקא־ארמיי האט ער זיך אין איר אנגעשלאסן און אלס אפיציר זיך דערנאך מיט דער ארמיי אומגעקערט קיין פוילן. ער איז דערנאך אוועק קיין אויסלאנד, באזעצנדיק זיך צו לעצט אין ניו־יארק, ווו ער איז נאך היינט ליטעראריש טעטיק אין „מארגן זשורנאל טאג”.

לעוואַרטאָווסקי יוסף

יוסף לעוואַרטאָווסקי — אין געטאָ האָט מען אים גערופן פינקעלשטיין אָדער דער אַלטער יוסף —, געבוירן אין 1895, אין ביעלסק־פּאָדלאַסק (ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדשאַפט), האָט געהערט צום עלטערן דור טוערס פון דער קפּ״פּ און געהאַט הינטער זיך אַ לאַנגיאָריקע דערפאַרונג פון אַן אַרבעטער־טוער אויף די פאַרשידענע פראָנטאָפּשניטן פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף. זיין טעטיקייט אין די רייען פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט האָט ער אָנגעהויבן זייער יונג. ער האָט געהערט צום דור רעוואָלוציאָנערן וואָס האָט זיך דערצויגן אונטערן אײַנפלוס פון דער גרויסער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין 1920 איז דער יונגער לעוואַרטאָווסקי געווען אַ מיטגליד פון רעווקאָם אין זײַן היימשטאָט. נאָכן אַרײַנטרעטן אין דער קפּ״פּ האָט ער אָפּגעגעבן אַלע זײַנע כוחות, אַלע זײַנע פעיִקייטן, זײַן גאַנץ לעבן, דער זאַך פון אַרבעטער־קלאַס.

ווי אַן אַקטיווער אַרבעטער־טוער און ווי אַ מיטגליד פון דער קפּ״פּ האָט לעוואַרטאָווסקי אָרגאַניזירט צווישן די אַרבעטער אַ גאַנצע ריי עקאָנאָמישע און פּאָליטישע קאַמפן. ער איז געשטאַנען אין שפּיץ פון פיל שטרײַקן, האָט אָרגאַניזירט די פאַרטייען. במשך פון אַ סך יאָרן האָט ער זיך געפונען בראש פון די רעוואָלוציאָנערע יִדישע אַרבעטער, אָרגאַניזירנדיק זיי אין געמיינזאַמען פראָנט מיט דעם פּוילישן אַרבעטער־קלאַס. ווי אַ פאַרטיי־טוער האָט ער לאַנגע יאָרן פאַרנומען פאַראַנטוואָרטלעכע און אָנגעזעענע פּאָזיציעס, האָט אָנגעפירט מיטן צענטראַלן יִדישן ביוראָ בײַם צ״ק פון דער קפּ״פּ, דערנאָך איז ער אויסגעקליבן געוואָרן אין דער העכסטער פאַרטיי־אינסטאַנץ — דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי און במשך פון אַ געוויסער צײַט האָט ער געהערט צום לאַנד־סעקרעטאַריאַט בײַם צ״ק פון דער קפּ״פּ.

דערצויגן אין רעוואָלוציאָנערן גײַסט, איז ער גופא געוואָרן אַ דערציִער פון אַ גאַנצן דור רעוואָלוציאָנערן. אַן אָנגעלייענטער אין דער ליטעראַטור פון מאַרקסיזם־לעניניזם, אַ מוטיקער און רויִקער, איז ער געוואָרן דער באַליבטער פירער פון די אַרבעטער פון וואַרשע און פון פיל אַנדערע שטעט.

ווי אַ סך אַנדערע טוערס פון דער קפּ״פּ, איז לעוואַרטאָווסקי געווען אַ מענטש מיט אַן אײַזן פעסטן כאַראַקטער. ער האָט זיך נישט אײַנגעבראָכן ווען ער האָט צעבראָכן אַ פוס אַנטלויפנדיק פון אַ שפּיטאָל, עס האָבן אים נישט געבויגן די לאַנגע 10 יאָר אין די תפיסות פון קאַפּיטאַליסטישן פּוילן. אין געטאָ איז ער אָנגעקומען אַ באַוואָפנטער מיט אַ רײַכער פּאָליטישער און קאָנספּיראַטיווער דערפאַרונג, און ער האָט זיך גיך אַרויסגערוקט ווי אַן ערשטראַנגיקע פיגור נישט בלויז אין פּפּ״ר, נאָר אין געטאָ־אונטערערד אין אַלגעמיין.

אומדערמידלעך אין דער אַרבעט, איז ער געווען דערפינדעריש אין די מעטאָדן, וואָס ער האָט געמוזט צופּאַסן צו די אומגעווייִנלעכע באַדינגונגען פון לעבן אין געטאָ.

יוסף לעוואַרטאָווסקי איז געווען דער באַפולמעכטיקטער פון צ״ק פון פּפּ״ר אין געטאָ. ער איז גיך געוואָרן דער פּאָליטישער אָנפירער, דער גײַסטיקער פאָטער און דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דאָס פאַראייניקן אַלע כוחות, וואָס זענען געווען קאַמפספעיִק און האָבן געוואָלט קעמפן, — דאָס איז דער פאַרדינסט — דער עיקר פון לעוואַרטאָווסקין, דעם פעיִקסטן פאָרשטייער פון פּפּ״ר און דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אויפן געביט פון געטאָ.

אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

פּאָולאַ ר. — פּערל פּרילוצקי —

געבוירן אין 1876 אין וואַרשע אין אַ פאַרמעגלעכע פאַמיליע, אַלס טאָכטער פון יחיאל משה איידעלשטיין. באַקומען אַן אַסימילאַטאָרישע דערציִונג. געענדיקט גימנאַזיע, גלײַכצײַטיק געלערנט אַ פּאָר יאָר מוזיק אויף ספּעציעלע קורסן אין דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע. נאָך דער חתונה מיט אַדאַם ראָזענזאַל האָט זיך בײַ זיי אין הויז אויסגעבילדעט אַ ליטעראַריש־קינסטלערישער סאַלאָן און אין 1903—1905 פלעגן דאָרט פאַרקערן באַרימטע פּוילישע שריפטשטעלערס און קינסטלערס און דערנאָך אויך יִדישע שריפטשטעלערס.

אין 1905 האָט אַדאַם ראָזענזאַל, אונטער דער השפּעה פון מאַרק אָרנשטיין ,געגרינדעט דעם יִדישן זומער־טעאַטער אין „באַגאַטעלאַ״ און דערנאָך צוויי ווינטער־טעאַטער — „זשאַרדען דהיווער״ און מוראַנאָווער טעאַטער, און פּאַולאַ האָט זיך באַמיט צו ווירקן אויף די אַרטיסטן וועגן איבערגיין צו אַן ערנסטן רעפּערטואַר. זי האָט זיך באַפרײַנדט מיט אסתר רחל קאַמינסקי, וואָס איז שפּעטער אויפגעטראָטן אין אירע דראַמעס. אָנגעהויבן צו שרײַבן האָט פּאַולאַ אין 1904 אין פּויליש, אָבער אונטער דער השפּעה פון נח פּרילוצקי, איז זי אַריבער צו יִדיש און דעביוטירט מיט אַ ליד אין דער ליטעראַרישער בײַלאַגע פון „וועג״ אין 1906, דערנאָך פאַרעפנטלעכט אין דער צײַטונג עטלעכע צענדליק פּאָעמעס אין פּראָזע, טייל מאָל אין ווייסע פערזן. געשריבן אין „מאָמענט״ אַ סעריע מעשהלעך אונטערן פּסעוודאָנים משה איידעלס. אין בוכפאָרם אַרויס „דער מלאך און דער שאָטן״, „די ירושה״, „דער אַקטיאָר״, „איינער פון יענע״, „די טרײַהייט״ — טעאַטער־פּיעסעס וואָס זענען אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע אין פּעטערבורג, וואַרשע און איבער גאַנץ רוסלאַנד.

בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע האָט זי זיך געפונען אין ווילנע צוזאַמען מיט איר מאַן נח פּרילוצקי. זי איז אומגעקומען אין ווילנער געטאָ.

אַקטיאָרן און טעאַטער-שרײַבער וואָס זענען געווען טעטיק אין וואַרשע

אויפֿן סמך פֿון זלמן זילבערצווייגס „לעקסיקאָן פֿון יִדישן טעאַטער" מיט שפּעטערדיקע דערגאַנצונגען.

אַ טייל נעמען וואָס זענען נישט אַרײַן, וועלן קומען אין צווייטן באַנד „פּנקס וואַרשע".

* * *

אָסקאַר יוליוס (אײַזענבעט)

אין 1865 געענדיקט כענטשינסקיס פּוילישע דראַמאַטישע שול, און פֿון 1870 הייבט ער אָן שפּילן אויף דער פּוילישער בינע אין לובלין, לאָדזש און אַנדערע שטעט. אַרום 1880 שפּילט ער אויף דער דײַטשער בינע. אין יאָר 1890 טרעט ער צו צום יִדישן טעאַטער אַ געוויסע צײַט פֿאָרט ער אַרום אויף דער פּראָווינץ מיט די אַקטיאָרן שפּיוואַקאָווסקי, ווײַנשטיין, און די טאַנצמאַנס. אין 1892 ווערט ער רעזשיסער פֿון „דײַטש-יודישן" טעאַטער אין סאַלאָן „על־דאָראַדאָ" און פֿירט דער ערשטער אַרויף אויף דער בינע רחל האַלפּערן — די שפּעטערדיקע אסתּר רחל קאַמינסקי. פֿאָרט איניקע יאָר אַרום אַלס רעזשיסאָר מיט אַברהם־יצחק קאַמינסקי און סעם אַדלער, שפּילנדיק דראַמאַטישע און כאַראַקטער־ראָלן אויף דײַטש, דורך וואָס ער ראַטעוועט אָפּ דאָס טעאַטער פֿון די פּאָליציייִשע גזרות קעגן יידיש.

אין 1909 קערט ער זיך אום צוריק צו דער דײַטשער בינע, דערנאָך אַ געוויסע צײַט בײַ דער פּוילישער, און ווידער צוריק צו דער יִדישער בינע.

בעתן אויסבראָך פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט אָסקאַר געשפּילט אין קאַמינסקיס טעאַטער אין וואַרשע. אין 1917 וואַנדערט ער אַרום מיט אײַזיקאָוויטשעס טרופּע איבער דער פּראָווינץ. צוליב דער עלטער מוז ער פֿאַרלאָזן דאָס טעאַטער, און ווערט רעזשיסאָר אין פֿאַרשידענע דראַמאַטישע קרײַזן.

אָסקאַר האָט דערצויגן אַ גרויסן טייל פֿון דער יִדישער אַרטיסטן משפּחה אין אייראָפּע. געשטאָרבן אַלס עמעריט פֿון וואַרשעווער יִדישן קונסט טעאַטער „וויקט" אין סוף פֿון די צוואַנציקער יאָרן פֿון דעם י"ה.

אָרלעסקאַ מרים

געבוירן אין וואַרשע. נאָך אַלס גימנאַזיסטקע זיך באַטייליקט אין דוויד הערמאַנס אויפֿפֿירונג פֿון שלום אַש „מיטן שטראָם". נאָכן ענדיקן די גימנאַזיע באַזוכט אָרלעסקאַ דעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט און לערנט בסוד אין דער פּוילישער דראַמאַטישער שול. אין יאָר 1919 טרעט זי אַרײַן אין דער „ווילנער טרופּע" אין וואַרשע, טרעט אַרויס אויף אַ סך אַרבעטער אונטערנעמונגען.

אַרויסגעשיקט פֿון דער וואַרשעווער געטאָ דורך די נאַציס קיין טרעבלינקע.

אַרנשטיין ראָזע.

געבוירן דעם 19טן מײַ 1888 אין וואַרשע, בײַ פֿאַרמעגלעכע עלטערן. געלערנט אין אַ פּענסיאָן, געפֿילט אַ גרויסע נייגונג צו דער בינע, און זיך באַטייליקט אין אַ „ליבהאָבער"־פֿאָרשטעלונג פֿון איר קוזין מאַרק אַרנשטיינס „דאָס ווילנער בעל־הביתל" אויף פּויליש, שפּעטער שפּילט זי מיט „ליבהאָבער" אויף יִדיש „אוריאל אַקאָסטאַ" אין קאָמפּאַנעיעצעס טעאַטער. אַלס פּראָפֿעסיאָנעלע אַקטריסע האָט זי אָנגעהויבן בײַ זאַנדבערגן אין לאָדזש, דערנאָך קומט זי צוריק אין וואַרשע, טרעט אַרײַן אין ספּיוואַקאָווסקיס טרופּע מיט וועלכער זי פֿאָרט אַרום זעקס יאָר איבער רוסלאַנד. קומט צוריק אין וואַרשע, שפּילט אין „זשאַרדען ד'היווער" און מאַכט אַ טור איבער בערלין, פּאַריז, שווייץ, בעלגיע און בלײַבט צו לעצט אין פֿראַנקרײַך.

אַרקאָ גריצי

אַ יִדישע אַקטריסע, געשפּילט אין דײַטשן אָפּערעטן טעאַטער אין בערלין. אין יאָר 1917 ווערט זי אַנגאַזשירט פֿאַרן יִדישן אָפּערעטן טעאַטער „צענטראַל" אין וואַרשע. צייכנט זיך אויס אַלס „סילוויאַ" אין די „טשאַרדאַש פֿירשטן" צוזאַמען מיט מיכאַלעסקאָ און כאַראַשן. בעת דער באַפֿרײַונג פֿון פּוילן פֿון דער דײַטשער אָקופּאַציע פֿאָרט זי צוריק אין דײַטשלאַנד צו דער דײַטשער בינע.

אַניעלאַ (חנה קאָמפּאַנעיעץ־פּאָלאַקאָוו)

געבוירן אין באַלטע אינעם יאָר 1894. אירע עלטערן זענען געווען די באַוווּסטע יִדישע אַקטיאָרן לאה און א. ג. קאָמפּאַנעיעץ. געענדיקט אין וואַרשע אַ רעגירונגס גימנאַזיע. נאָך אַלס קינד אָנגעהויבן שפּילן אין פֿאָטערס טרופּע, און אַזוי געבליבן אויף דער בינע, איבערגייענדיג זינט 1915 צום דראַמאַטישן רעפּערטואַר. ביז 1928 תּמיד געשפּילט אין די טרופּעס אונטער דער אָנפֿירונג פֿון איר פֿאָטער, און אין סעזאָן 28—1929 אין וואַרשעווער קאַמינסקיס טעאַטער. אין 30—1929 געשפּילט אין פּאַריז.

באַרסקאַ—פֿישער, (ליזע)

געבוירן אין יאָר 1888 אין אָדעס, בײַ אויפֿגעקלערטע פֿאַרמעגלעכע עלטערן, געלערנט אין גימנאַזיע, געהאַט אַ נייגונג צו געזאַנג. געזונגען אין אוקראַיִנישע כאָרן, אָנגעקומען אין קאַמינסקיס טרופּע אַלס סאָלאָ זינגערין און הייבט אָן צו שפּילן קליינע ראָלן. אין משך פֿון איר בינע קאַריערע האָט זי דורכגעשפּילט דעם גאַנצן אַלטן און נײַעם רעפּערטואַר. אַ ריי יאָרן געשפּילט צוזאַמען מיט אסתּר רחל קאַמינסקי, דערנאָך אין „וויקט" און צום לעצט אין ווילנע. געשטאָרבן פֿון טיפֿוס בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע.

חבל בוזגאַן

געבוירן אין יאָר 1897 אין ווילנע, ביי עלטערן בעל־מלאכות. געלערנט אין דער שול ביים ווילנער לערער־אינסטיטוט. דעקלאַמירט אויף די שול יום־טובים, און ווען ער טרעט אַריין אין די העכערע קלאַסן פון דער שול, איז ער דער אָרגאַניזאַטאָר און מיטבאַטייליקטער אין די שול־פאַרווייַלונגען, אָרגאַניזירט אַ דראַמקרייַז, וווּ ער שפילט אויף רוסיש.

פון 1917—1919 איז ער סופלאָר אין פראָפעסיאָנעלן ייִדישן טעאַטער. אין 1921 באַקומט ער די געלעגנהייט אין דער ווילנער טרופּע אויפצוטרעטן אין „דאָרפסיונג" און בלייַבט שוין אַלס אַקטיאָר אין דער „ווילנער טרופּע", מיט וועלכער ער מאַכט מיט דעם טורנעע איבער פוילן און אין ווין. שפּעטער טרעט ער אַריין אין דער דראַמאַטישער טרופּע מיט אסתר רחל קאַמינסקי, זיגמונט טורקאָוו, ש. קוטנער און א. סאַמבערג, דערנאָך אַ קורצע צייַט מיט א. מאָרעווסקי. שפּעטער אַ סעזאָן אין ליפּאָווסקיס פאָלקס־טעאַטער, דאָן מיט לידיאַ פּאָטאָצקאַ, שפּילט מיט די גאַסטראָליאָרן יוליוס אַדלער און פּ. באַראַטאָוו, אַ קורצע צייַט אין „וויקט" טרעט דערנאָך אַריין אין געגרינדעטן ריגער „נייַער ייִדישער טעאַטער" וווּ ער ווערט דער באַפּאָלמעכטיקער פונעם ייִדישן אַרטיסטן פאַראיין אין פוילן.

פאָרט אין אַרגענטינע, שפּילט אין פאַרשידענע טרופּעס, פאָרט אין אורוגווייַ, און נאָך עטלעכע יאָר אין מאָנטעווידעאָ פאָרט ער אין פוילן, וווּ ער פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט אינעם ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין לאָדזש און איז איינער פון די הויפּט אַרטיסטן און אָנפירער פונעם ייִדישן מלוכה טעאַטער אין וואַרשע ביז הייַנטיקן טאָג.

בוימוואַל יהודה לייב

געבוירן אין יאָר 1892 אין וואַרשע, ביי באַלעבאַטישע עלטערן. געלערנט אין ישיבה. צו 17 יאָר געוואָרן אַ „ליבהאָבער" און דערנאָך אָנגעהויבן סופלירן פראָפעסיאָנעל אין וואַרשעווער „עליזעאום", פאַר וועלכן ער האָט שפּעטער אויך געשריבן איינאַקטערס. אין 1912 געווען אָפּערעטן־רעזשיסאָר אין יוליוס אַדלערס־ליפּאָווסקיס צירק־טעאַטער אין לאָדזש. אין 1913 אַרייַנגעטראָטן צו זאַנדבערגן אין לאָדזשער גרויסן־טעאַטער. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה באַזעצט זיך אין רוסלאַנד. נאָך דער פעברואַר־רעוואָלוציע אויפגעהערט שפּילן אָפּערעטן און געוואָרן טעטיק פאַר דער אידעע פון אַ מאָדערנעם ריינעם ייִדישן טעאַטער. ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון ערשטן צוזאַמענפאָר פון די ייִדישע אַרטיסטן אין קיִעוו און פאָרזיצער פון ייִדישן אַרטיסטן־פאַראיין אין דער דאָזיקער שטאָט. אין 1918 רעדאַקטירט ער דעם ערשטן און איינציקן נומער „דער ייִדישער אַרטיסט".

בוימוואָל איז געווען מיטגרינדער פון ייִדישן קינסטלער־טעאַטער „אונדזער ווינקל" אין כאַרקאָוו. געווען לערער פון דער ייִדישער דראַמאַטישער סטודיע אין קיִעוו. אין אַפּריל 1920 אַרויסגעפאָרן מיט אַ טרופּע קיין אָדעס, אָבער אויפן וועג איז ער ביי קאַזאַטין, בעת דאָס פּויליש מיליטער האָט פאַרנומען אוקראַיִנע, אומגעקומען פון מערדערישע הענט.

בוימוואָל האָט אָנגעשריבן די ווייַטערדיקע איינאַקטערס און פּיעסעס:

„ד"ר זייפּענבלאָז", „דירה־געלט", „לעבעדיק און לוסטיק", „מאַדאַם פריילין", „כאַצקעלע כל־בוניק" און „אויפן נגב ברענט דאָס היטל".

בולאָוו יוסף

געבוירן אין יאָר 1899 אין ווילנע ביי עלטערן סוחרים, באַקומען אַ ייִדיש־וועלטלעכע דערציִונג, נאָך אַלס קינד אַרויסגעוויזן אַ פעיִקייט צו אימיטירן זייַן רבין און די סביבה.

אין עלטער פון 13 יאָר שוין געשפּילט מיט „ליבהאָבער", אין 1919 געוואָרן אַ פראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין ווילנע, און נאָכן שפּילן אַ קורצע צייַט אין לאָדזשער דראַמאַטישן טעאַטער ביי קאָמפּאַניעצן טרעט ער אַריין אין דער ווילנער טרופּע אין וואַרשע. בעת דער שפּאַלטונג פון דער ווילנער טרופּע פאָרט ער צוזאַמען מיט דעם טייל וואָס איז אָנגעפירט פון מאַזאַהן קיין רומעניע און פון דאָרט קיין נ' אַמעריקע.

בולאָוו געפינט זיך הייַנט אין נ' אַמעריקע און ווערט באַטראַכט אַלס איינער פון די בעסטע קינסטלער אינעם הייַנטיקן ייִדישן טעאַטער.

בידערמאַן איטשע

געבוירן דעם 23טן יולי 1892 אין גראַבאָוויעץ, לובלינער גוב', אַ זון פון אַ טריסקער חסיד. געווען אין וואַרשע אַ שיקייִנגל אין אַ בלומען געשעפט, און ווען מאַרק אַרנשטיין פירט אויף מיט ליבהאָבער דוויד פּינסקיס „אײַזיק שעפטל" איז בידערמאַן אַ סופלאָר. אַזוי איז ער אַ סופלאָר אין דער סטודיע וואָס פּרץ און דוויד הערמאַן גרינדן, שפּעטער שפּילט ער מיט „ליבהאָבער" אין אַ שטאָל אין מאָקאָטאָוו. אין 1912 פאָרט בידערמאַן מיט דער פאַמיליע קיין אַמעריקע, גרינדעט אַ דראַמאַטישן קלוב, וועלכער שפּילט יעדן שבת צו נאַכט. אין 1914 טרעט ער אַריין אין אַ טרופּע. דרוקט פאַרשידענע סקיצן און הומאָרעסקעס, שרייַבט אָן עטלעכע פּיעסעס און איינאַקטערס: „שפּענער", „ער און זי", „פּרינץ", „דער מענטש", „אויפן הימל אַ יאַריד". געפינט זיך אין נ' אַמעריקע און איז דער אייגנטימער פון באַרימטן „איטשע וו. בידערמאַן פאַרלאַג" אין ניו־יאָרק.

בערמאַן הערמאַן

געבוירן אינעם יאָר 1859 אין וואַרשע, דער עלטערער ברודער פון אַדאָלף בערמאַן. אין דער פריסטער יוגנט אָנגעהויבן שפּילן מיט ליבהאָבער און דערנאָך געווען איינער פון די, וועלכע האָבן געלייגט דעם יסוד פאַרן ייִדישן טעאַטער אין פוילן. באַטייליקט זיך אין עלדאָראַדאָ־טעאַטער אין וואַרשע, וווּ גאָלדפאַדען האָט אויפגעפירט זייַנע פּיעסעס. בערמאַן האָט אַרויפגעבראַכט אויף דער בינע מרים טרילינג, מיט וועלכער ער האָט שפּעטער חתונה געהאַט.

אין די יאָרן 1900—1903 פאָרט בערמאַן אַרום מיט ייִדישע אַקטיאָרן אַלס „רוסישע געזאַנג און טאַנץ קאַפּעלע" איבער דייַטשלאַנד, פראַנקרייַך, ענגלאַנד און שפּאַניע. שפּילט ייִדיש טעאַטער אין לאָנדאָן, קומט צוריק אין וואַרשע צו קאַמינסקין, שפּילט מיט די דירעקטאָרן ראַפּעל, עפּלבערג, קאַמינסקי, קאָמפּאַניעץ, זאַנדבערג, יוליוס אַדלער און הערמאַן שעראַצקי. אין די יאָרן 1921—1922 האָט שוין בערמאַן נישט געשפּילט, נאָר געלעבט אַלס עמעריט פונעם ייִדישן אַרטיסטן־פאַראיין. נאָכן באַקומען אַ געהירן־אָנצינדונג איז בערמאַן דעם 14טן יאַנואַר 1923 געשטאָרבן אין וואַרשע.

בערנשטיין בערל (בורשטין)

געבוירן אין ווארשע בערך אין יאָר 1860, דער פאָטער האָט געהאנדלט מיט גענדז. פון דער פריסטער יוגנט געווען אַ לוסטיקער, פריילעכער זינגער און טענצער, און מען פלעגט אים רופן „בערעלע טענצער", „בערעלע האָצקע". ער האָט געארבעט אין פאָליאקעוויטשעס פאפּיראָסן־פאבריק און געזונגען אין כאָר פון דער דײַטשער שיל. בערנשטיין האָט געשטרעבט צו ווערן אַן אָפּערן־זינגער און איז אַוועקגעפאָרן קיין בערלין, ווו ער האָט שטודירט אין אַ קאָנסערוואטאָריע. אָבער ווען ער קומט צוריק אין ווארשע, ווערט ער דער הויפּטזינגער פון אַ קווארטעט, מיט זײַן שיינער באסשטימע און מיט זײַן געשיקט טאנצן רופט ער אומעטום ארויס באגײַסטערונג.

אין 1887 שפּילט ער אין ייִדישן טעאטער אַלס כאראקטער־קאָמיקער. זײַן ארומפאָרן איבער לאָנדאָן, פאריז און צום סוף נ' אמעריקע מאכט אים שטארק פאָפּולער. אין 1920 ווערט ער הייזעריק און עס הייבט זיך אָן זײַן ירידה, דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט אַז ער לײַדט פון אַ ראַק. דעם 29טן אויגוסט 1922 איז ער געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

ברען אברהם

געבוירן אין ווארשע. אין די יאָרן 1904—1905 געווען איינער פון די אַקטיווסטע ייִדישע מיטגלידערס אין דער פפ"ס. דורך באַקאַנטשאַפט מיט א. י. קאמינסקי האָט ער זיך דערנענטערט צום ייִדישן טעאטער און אין 1915 צוזאמען מיט ריבאָ אויפגעבויט דאָס „צענטראל"־טעאטער, ווו ברען איז געווען דירעקטאָר ביזן יאָר 1926, ווען דאָס „צענטראל"־טעאטער האָט זיך געמוזט צומאכן, ווײַל די שטאָט־רעגירונג האָט אָפּגעקויפט דעם טעאטער־בנין.

ברען האָט געפרוווט אויפבויען אַ צווייט ייִדיש טעאטער, אָבער ער איז אין דעם געשטערט געוואָרן דורך דער שטאָט־רעגירונג, און נאָכן לײַדן דורך דעם גרויסע פארלוסטן, איז ער געווען געצוווּנגען אויסצוּוואנדערן קיין בראזיל. דאָ האָט ברען געפרוווט גרינדן אַ שטענדיק ייִדיש טעאטער, אָבער נאָך 3 חדשים האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון זײַן פּלאן און באַנוגנט זיך מיט אײַנאָרדענען פון צײַט צו צײַט ייִדישע פאָרשטעלונגען. אין 1929 איז ברען געשטאָרבן אין בראזיל.

ברעסטאָוויצקי יצחק

געבוירן דעם 6טן יאנואר 1886 אין קרעמענטשוק, אוקראַינע, בײַ עלטערן סוחרים. געלערנט אין חדר און דערנאָך אין אַ שטאָטשול. צו 10 יאָר ווערט ער אַ משורר. אין עלטער פון 16 יאָר טרעט ער ארײַן אין אַ רוסישער טרופּע אַלס סצענאריוס־פירער. אין 1904 האָט ער שוין זײַן ערשטן אויפטריט אין דוויד סאבסײַס טרופּע אין גאָלדפאדענס „באָבע יאכנע". אין 1910 שפּילט ער אין ווארשע אין דער טרופּע קאָמפּאניעץ־ראפּעל און ראפּעל־עפּעלבוים. מאכט פארשידענע טורנעען מיט ייִדישע טרופּעס איבער רוסלאנד מיט ייִדישע פאָלקסקאָנצערטן. ענדע 1925 פאָרט ער קיין בוענאָס־איירעס, ווו ער געפינט זיך ביז הײַנטיקן טאָג.

בלומענפעלד־טורקאָוו דיאַנאַ

געבוירן אין יאָר 1903 אין ווארשע, געענדיקט אַ מיטלשול און פעדאגאָגישע קורסן, איז געווען אַ לערערין. אין 1921 געלערנט אין קאָנסערוואטאָריע און דערנאָך אין אַ פוילישע דראמאטישע שול. איז 1924 ארײַנגעטראָטן אין אסתר רחל קאמינסקיס טרופּע אין ווילנע. סוף פונעם זעלבן יאָר געשפּילט אין ווארשעווער „צענטראל" טעאטער. דערנאָך איז בלומענפעלד געוואָרן איינע פון די ערשטע מיטגלידער פון „וויקט", מיטגעמאכט מיט איר מאן יאָנאס טורקאָוו, פארשידענע טורנעעס. אין דער ווארשעווער געטאָ האָט זי פון צײַט צו צײַט אויפגעטראָטן אין קאָנצערטן, איבערגעלעבט דעם גאנצן געטאָ קאָשמאר, געפינט זיך הײַנט אין נאָרד אמעריקע.

בעללויה הירש גדליהו — בעלאו — בעללאָה

לויט דעם „איזראעליטא" האָט דעם 24טן אָקטאָבער 1868 אָנגעהויבן שפּילן אין ווארשע אויפן מוראנאָווער פּלאַץ, אין אַ ספּעציעל אויפגעבויטן בנין, אַ „טרופּע" פון ייִדישע ארטיסטן, אונטער דער דירעקציע פון בעלאו.

די ערשטע פאָרשטעלונגען, וואָס די טרופּע האָט געגעבן, איז געווען אַ ביבלישע דראמע „יעקב מיט זײַנע זין" פון בעללאו, געשפּילט אין משך פון 2 אָוונטן. לויט די גאָר ווינציקע ידיעות איז בעללאה, געווען אַ שרײַבער, אַ דראמאטורג און דירעקטאָר פון אַ ייִדיש טעאטער אין די יאָרן 1868—1870 אין ווארשע.

בעלערינע בעלאַ (רובינליכט)

געבוירן דעם 15טן יולי 1898 אין ווארשע. שטאמט פון דער בארימטער משפחה ווינאווער־רובינליכט. געענדיקט אַ פרויען גימנאזיע, באזוכט די העכערע פעדאגאָגישע קורסן בײַם ווארשעווער אוניווערסיטעט.

מיט דער כוונה צו ווערן אַ פוילישע אַקטריסע איז זי אין 1916 ארײַנגעטראָטן אין דער ווארשעווער דראמאטישער רעגירונגס־שול, און האָט דאָרטן דורכגעמאכט די קורסן. אונטער דער השפעה פון דוויד הערמאן, ווערט זי אין דער זעלבער צײַט אַ מיטגליד אין דער דראמאטישער סעקציע בײַם ווארשעווער „הזמיר" און שפּעטער פון „דראמאטישן ווינקעלע". אין 1918 ווערט בעלערינע אַ מיטגליד אין דער „ווילנער טרופּע" מיט וועלכער זי מאכט מיט דעם גאנצן טורנעע איבער אייראָפּע. אין 1924 קומט זי מיט דער „ווילנער טרופּע" אין אמעריקע.

בעקערמאַן בעריש.

געבוירן בערך 1854 אין זאמאָשטש לובלינער גוב', דער פאָטער אַ צוקער־בעקער. געלערנט אין חדר, און ווערנדיק צו 10 יאָר אַ יתום פאָרט ער קיין ווארשע, ווו ער גייט ארײַן ארבעטן צו אַ צוקער־בעקער. אייניקע יאָר שפּעטער ווערט ער אויך אַ מיטזינגער אין כאָר פון די „בראָדער זינגער", וועלכע טרעטן ארויס אין גאָרטן פון וואָלף ליטוואקס הויף — פראנציסקאנער 36 — ווו עס געפינט זיך אויך די בעקערײַ.

ווי בעקערמאן גייט איבער, האָט זיך דאָס טעאטער געפונען אויפן צווייטן הויף פון זעלבן הויז, אין גאָרטן. דאָס „טעאטער" איז באַשטאנען פון אַ הילצערנעם בנין, אין וועלכן מען האָט ספּעציעל געמאכט אַ קרומע גאלעריע פון ברעטער, די סצענע אַ גלײַכע פּלאטפאָרמע, אויף וועלכער עס פלעגט ארויסטרעטן דער אַקטיאָר מיט צוויי זינגער פון ביידע זײַטן, בעת די אנדערע זינגער און אַקטיאָרן פלעגן זינגען פון הינטער די „קוליסן".

די טרופּע איז באַשטאנען פון די אַקטיאָרן: אהרן טאגער, קעפּקע־דובינסקי, שמוליק, חײַמאָוויטש, מאקס בלומענפעלד, און פון די כאָריסטן: בערל בינשטיין, מאקס גאָלדבערג, אברהם יצחק טאנצמאן, שליפערשטיין און בעריש בעקערמאן.

אַ בילעט האָט געקאָסט 5 קאָפּיקעס. יעדע וואָך האָט מען געשפּילט אַן אַנדער פּראָגראַם אויף וויפל בעקערמאַן געדענקט, איז אויפן וואַנט פון דרויסן פון „טעאַטער" געהאָנגען אַ פּראָגראַם מיט אַזאַ אינהאַלט:

„איך שעם זיך אויסצוזאָגן" — געזונגען פון אהרן טאַגער.

„ברכי נפשי" — געזונגען פון שמוליק.

„דער שפּיגל מיטן זייגער" — געזונגען פון חײַמאָוויטש און טאַגער.

„עז ישיר" — געזונגען פון בלומענפעלד.

„די באָרד זאָל מיר זײַן" — געזונגען פון חײַמאָוויטש.

„דער חסיד מיטן דײַטשל" — געזונגען פון שמוליק און טאַגער.

„פיר פּאָרצעלײַענע טעלער" — געזונגען פון אַלע אַרטיסטן און כאָר.

„די גבורי ישראל" — געזונגען פון אַלע אַרטיסטן און כאָר.

„די דרײַ טויבן" — געזונגען פון אַלע אַרטיסטן און כאָר.

„די שוועבעלעך" — געזונגען פון אַלע אַרטיסטן און כאָר.

די פאָרשטעלונגען פלעגן זײַן זייער גוט באַזוכט, אַזוי אַז באַלד איז דער פּרײַז פון די בילעטן פאַרטאָפּלט געוואָרן. אַ קורצע צײַט דערנאָך האָט די טרופּע אויפגעפירט „שמענדריק", שפּעטער „די באָבע מיטן אייניקל", „די כשופמאַכערן", „ביידע קוני לעמל" און איז פון וואָלף ליטוואַקס גערטנדל אַריבערגעגאַנגען אין טעאַטער אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ.

צוליב פאַמיליע סיבות פאַרלאָזט בעקערמאַן די טרופּע און פאָרט צוריק קיין זאַמאָשטש, וווּ ער עפנט זיך אַ קאָנדיטערײַ. אין 1914 איז בעקערמאַן געקומען אין נ' אַמעריקע, וווּ ער באַשעפטיקט זיך מיט בעקערײַ. ער האָט אָנגעשריבן אַ סך פּיעסעס.

גאָדיק וולאַדיסלאַוו

געבוירן אין יאָר 1893 אין קיִעוו (אוקראַיִנע), בײַ אַ פאָטער אַ סוחר, וועלכער טראָגט זיך אַריבער קיין וואַרשע, וווּ גאָדיק ענדיקט די רעאַל־גימנאַזיע און טרעט אַרײַן אין וועטערינאַרישן אינסטיטוט. ער טרעט אַרײַן אין דער דראַמאַטישער סעקציע פון „הזמיר" און אין 1911 הייבט ער אָן שפּילן אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין וויטעבסק אין דער פּיעסע „פּינטעלע ייִד". ער שפּילט בײַ גוזיקן, און שפּילט ייִדישע אָפּערעטעס אויף רוסיש. אין 1919 שפּילט ער אין ראַדאָם אין דער פּוילישער אָפּערעטע, וווּ ער פירט אויף אויף פּויליש „שולמית". נאָך דעם מאַכט ער אַ טורנע מיט אסתר רחל קאַמינסקי און זיגמונט טורקאָווס טרופּע, טרעט אַרײַן אין „צענטראַל"־טעאַטער, ווערט אַ מיטגרינדער פון „אַזאַזעל". אין 1937 שפּילט גאָדיק אין טעאַטער „נאָוואָשטשי", אין „טעאַטער פאַר יוגנט", וווּ ער שפּילט דעם לץ אין שעקספּירס „דער טורעם" און דערנאָך די הויפּטראָל פון פּרעגערס „מלך־פּריילעך". בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע איז ער אין ראַטן־פאַרבאַנד, פון וווּ ער קערט זיך אום נאָך דער מלחמה. אין נײַעם פּוילן פאַרנעמט גאָדיק אַן ערשטראַנגיקן פּלאַץ אויף דער פּוילישער בינע, און ווערט אויסגעצייכנט דורך דער פּוילישער מלוכה פאַר זײַנע גלענצנדיקע קרעאַציעס. גאָדיק איז געשטאָרבן אין דעצעמבער פון 1952.

גאָטליב העלענאַ

געבוירן אין יאָר 1885 אין גראָדנע, אין אַ פאַמיליע פון אינטעליגענטן. זיי פאָרן אַריבער קיין וואַרשע, וווּ גאָטליב לערנט אין גימנאַזיע. אָנגערעגט דורך אַ חברטע אַ ייִדישע אַקטריסע, פאַרבינדט זי זיך מיטן ייִדישן טעאַטער, און רײַסט צוליב דעם איבער די באַציִונגען מיט איר פאַמיליע.

נאָכן שפּילן עטלעכע יאָר מיט פּראָווינץ־טרופּעס, טרעט זי אַרײַן אין „עליזעום" און אין קאַמינסקיס טעאַטער. אין דער צײַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה שפּילט זי אייניקע יאָר אין רוסלאַנד, דערנאָך טרעט זי אַרײַן צוזאַמען מיט איר מאַן אײַזיק סאַמבערג אין וואַרשעווער „צענטראַל"־טעאַטער, איבערגייענדיק צו אַ נײַעם, ריינעם רעפּערטואַר, פון דאָרט ווערט זי אָנגאַזשירט אין דער „ווילנער־טרופּע", מיט וועלכע זי איז פאַרבונדן ביזן אָנהייב 1929. נאָך דעם האָט זי גענייט מיט איר מאַן די דערפאָלגן פון אַ ריי קינסטלערישע אויפפירונגען, ווי: שעקספּירס „שיילאָק", בערגלסאָנס „טויבער", ברוקנערס „דאַנטאָנס טויט" א"אַ. בעת די דײַטשע באָמבאַרדירונגען פון וואַרשע אין 1939 ווערט העלענאַ גאָטליב פאַרווונדעט בײַ זיך אין הויז. בעת דער ערשטער גרויסער „אַקציע" אין וואַרשעווער געטאָ, ווערט גאָטליב אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע.

גאָטפריד אברהם־יצחק

געבוירן אין יאָר 1877 אין וואַרשע, בײַ אַ פאָטער אַ קליינהענדלער. גאָטפרידס עלטערער ברודער האָט געשפּילט מיט גאָלדפאַדענען אין 1887—1888, אין דער זעלבער צײַט האָט גאָטפריד צוזאַמען מיט די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן אַדאָלף בערמאַן און ברידער פײַנשטיין געזונגען אין אַ קינדערכאָר. אין 1889 שפּילט ער מיט מיטלמאַנען אין וואָלף ליטוואַקס גאָרטן אין וואַרשע. שפּעטער האָט ער געשפּילט אין פאַרשידענע טרופּעס איבער רוסלאַנד און פּוילן.

גאָלד גינאַ (סטעפאַ גינגאָלד)

געבוירן דעם 17טן מײַ 1909 אין וואַרשע, בײַ עלטערן סוחרים. געענדיקט אַ העברעיִשע גימנאַזיע. אין 1926 אָנגעקומען אין וואַרשעווער „סקאַלאַ"־טעאַטער אַלס כאָריסטין. אין 1927 אַרײַנגעטראָטן אין „אַזאַזעל" אַלס סאָליסטין.

גאָלד סטעלאַ (טאָלציע שטאָלצענגאָלד)

געבוירן אין וואַרשע. דער פאָטער איז געווען משגיח אין אַ קהלשן שפּיטאָל, די מוטער אַ קראַנקן־וועכטערין אין זעלבן שפּיטאָל.

אין 1904 ווערט זי אַ מיטגליד אין „קליינעם בונד". באַטייליקט זיך אין דער ייִדישער טעאַטער־פאָרשטעלונגען „אוריאַל אַקאָסטאַ", וואָס דער אײַנקונפט דערפון גייט פאַר די פאַגראָמירטע פון קעשעניעוו. אין זעלבן יאָר ווערט זי אַרעסטירט בײַ אַ פאַרזאַמלונג. מען גנבעט זי אַרויס פון די פּאָליציייִשע הענט און מען פירט זי אַריבער קיין גאַליציע, און פון דאָרט פאָרט זי קיין נ' אַמעריקע. דאָרט אַרבעט זי אין אַ שירעם־פאַבריק און אין די אָוונטן באַטייליקט זי זיך אין משך פון 2 יאָר אין די אויפפירונגען פון „וואַרשעווער פּראָגרעסיוו־דראַמאַטישן קלוב".

בעת דער אַנטשטייונג פון די וואַריעטעס, ווערט זי אַ פּראָפעסיאָנעלע אַקטריסע. באַטייליקט זיך אין קאַמף קעגן די שטרײַק־

ברעכער אין בראָנזווילער „מעטראָפאָליטאַן סינגער־האָל", און פון דעמאָלט אָן שפילט זי כסדר אין פאַרשידענע יִדישע טרופעס אין נ' אַמעריקע.

גאָלדפאַדען אברהם (גאָלדענפאָדים)

געבוירן דעם 12טן יולי 1840 אין סטאַראָ־קאָנסטאַנטין, וואָלינער גובערניע. דער פאָטער אַ זייגערמאַכער איז געווען דער איינציקער בעל־מלאכה אין שטעטל, וועלכער האָט געהאַט הנאה אַרײַנצוקוקן אין אַ יִדיש ספר און האָט דעריבער נישט געשפאָרט זײַן לעצטן גראָשן צו לערנען זײַן זון לשון־קודש. גאָלדפאַדענס פאָטער פלעגט אויך פון צײַט צו צײַט אָפדרוקן אין דער העברעיִשער פרעסע קאָרעספאָנדענצן אין דער פאָרם פון בריוו אין רעדאַקציע. דעם פאָטערס באַציִונג צום געדרוקטן וואָרט האָט געהאַט אַן השפעה אויף זײַנע קינדער. אַפנים אַז די שטוב פון גאָלדפאַדענס פאָטער איז געווען אַ שטוב, ווו עס האָט זיך לאַנגע יאָרן נאָך־אַנאַנד אויפגעהאַלטן דעם פונק פון קולטור־געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן.

גאָלדפאַדען האָט געלערנט אין חדר בײַ אַ גמרא־מלמד, און בײַ אַ לערער אין דער היים — דײַטש, רוסיש און תנך מיט דײַטשע איבערזעצונגען. אויס מורא פאַר דער גזרה, אַז מען וועט נעמען קליינע קינדער פאַר סאָלדאַטן, לערנט אים דער פאָטער זייגער־מאַכערײַ, כדי צו קאָנען אים אַריבערשטעלן איבער דער רומענישער גרענעץ אַלס פאַרטיקן בעל־מלאכה. גאָלדפאַדען ווײַזט אַרויס גוטע פעיִקייטן, אָבער אַזוי ווי עס דערשײַנט באַלד דער „אוקאַז", אַז די שילער פון די נײַ־געגרינדעטע „יִדישע קרוינשולן" וועלן באַפרײַט זײַן פון רעקרוטירונג, פאַרשרײַבט אים דער פאָטער אין 1855 אין אַזאַ שול, נישט קוקנדיק אויף דער קעגנערשאַפט פון די פאַנאַטיקער. גאָלדפאַדענס לערער פון יענער צײַט, אברהם בער גאָטלאָבער, שרײַבט שפעטער וועגן דעם אין זײַנע מעמואַרן:

„צווישן אַלע תלמידים איז געווען אַ יִנגעלע גאָר אַ יונגס, אברהמלע גאָלדפאַדען. דאָס יִנגעלע האָט חוץ דער שול, בײַ מיר אין הויז פריוואַט געלערנט. איבער הויפט פלעגט ער זיך זייער צוקוקן ווען איך האָב געשריבן זשאַרגאָן: דאָס איז געווען גאָר זײַן ליידנשאַפט".

גאָלדפאַדען ענדיקט די שול מיט אַן אויסצייכענונג, און אין עלטער פון 17 יאָר טרעט ער אַרײַן אין דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול. אין דער ראַבינער־שול האָט מען אויסער די טראַדיציאָנעלע רעליגיע־למודים אויך געלערנט וועלטלעכע קעגנשטאַנדן, אַזוי אַז אין דער שול האָט געהערשט אַ „מאָדערנער גײַסט". אויף זייער בקשה האָבן די תלמידים באַקומען אַ דערלויבעניש צו טאַנצן, און פלעגן, אויפפאַלנדיק קאָסטיומירט, באַזוכן מאַסקאַראַד־בעלער אין זשיטאָמירער טעאַטער. אויף דער איניציאַטיוו און אונטער דער אָנפירונג פון מאַדאַם סלאָנימסקי, די פרוי פון אינספעקטאָר פון דער שול, איז אין 1862 אײַנגעאָרדנט געוואָרן אין דער שול אַ יִדישע שילער־פאָרשטעלונג פון ד"ר שלמה עטינגערס קאָמעדיע „סערקעלע", אין דער קעגנוואַרט פון די שילער, לערער און דער איבעריקער זשיטאָמירער אינטעליגענץ. די טיטלראָל „סערקעלע" איז געשפילט געוואָרן דורך גאָלדפאַדענען, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מער פון אַלעמען.

גאָלדפאַדען איז אין ראַבינער־שול אַ פלייסיקער שילער, ער ווערט דורכגעדרונגען מיט די השכלה־אידעען און באַקענט זיך מיט דער אייראָפעיִשער ליטעראַטור. אין דער ראַבינער־שול האָט גאָלדפאַדען געשריבן לידער אין פאָלקסטאָן, וועלכע מען האָט באַלד נאָכגעזונגען אפילו אין דער פראָווינץ און אַזוי אַרום איז ער, נאָך זיצנדיק אויף דער שול־באַנק, געוואָרן אַ פאָפולערער און באַליבטער פאָלקסדיכטער. אין 1866 ענדיקט גאָלדפאַדען די ראַבינער־שול, און הייבט זיך אָן פאַרנעמען מיט ליטעראַטור, קופלעטן, לערערײַ און אַרויסגעבערײַ פון צײַטונגען „ישראליק" — 1875—1876 — „דאָס בוקאָווינער איזראַעליטישע פאָלקסבלאַט" — 1876 —, און צווישן 5טן און 8טן אָקטאָבער 1876 האָט גאָלדפאַדען אין יאַסי, רומעניע, געגרינדעט דאָס יִדישע טעאַטער.

נאָך דעם ווי גאָלדפאַדען וואַנדערט דורך רוסלאַנד פון אָדעס ביז פעטערבורג הין און צוריק עטלעכע מאָל, ווערט צוליב אַ יִדישער מסירה דעם 17טן אויגוסט 1883 דורך אַ דעקרעט פון פעטערבורג, פאַרווערט צו שפילן יִדיש טעאַטער אין גאַנץ רוסלאַנד. אָבער אין די יאָרן 1885—1887 באַווײַזט זיך אַ מעגלעכקייט פאַר גאָלדפאַדענען צו עפענען אַ יִדיש טעאַטער אין וואַרשע.

געשפילט האָט מען אין טעאַטער „בוף", דאָס שפעטערדיקע „עלדאָראַדאָ" און דערנאָך „באָגוסלאַווסקי". די טרופע האָט זיך גערופן „יִדיש־דײַטש־טעאַטער". די פאָרשטעלונגען אין וואַרשע האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. ווי אַ בײַשפיל קאָן דינען אַז זײַן „שולמית" איז געגאַנגען 150 מאָל בײַ פול געפאַקטע הײַזער. נאָך אַ סיכסוך מיט דער רוסישער דירעקטאָרשע פון טעאַטער, איז גאָלדפאַדען מיט די טאַנצמאַנס אָפגעפאָרן קיין לאָדזש, און באַלד צוריקגעקומען קיין וואַרשע און פון דאָרט איז ער אין 1887 אָפגעפאָרן קיין אַמעריקע.

ס'איז נייטיק דאָ אָנצומערקן אַז גאָלדפאַדען האָט געהאַט אַ טבע גלײַך אויפן אָרט צו רעאַליזירן אין דראַמאַטישע ווערק די סביבה, מיט וועלכער ער האָט זיך באַגעגנט. אַזוי האָט ער אין זײַן פיעסע „די צוויי קונעלעמלעך" אַרײַנגעפירט די שטאָט לעמבערג מיט לעמבערגער פערסאָנאַזשן. אין דער פיעסע „דער פאַדריאַטשיק" האָט ער אויפגענומען די בוקאַרעשטער סביבה אַרום דער רוסיש־טערקישער מלחמה, און אויך די אָדעסער סביבה האָט ער אָפגעשפיגלט אין זײַנע פיעסעס. עס איז דעריבער מערקווערדיק, וואָס די יאָרן ,וועלכע גאָלדפאַדען האָט פאַרבראַכט אין פוילן, האָבן קיין שפורן אין זײַן שאַפן נישט געלאָזט.

מיט גאָלדפאַדענס רײַזע קיין אַמעריקע, הייבט זיך אָן זײַן וואַנדערוועג פון הין און צוריק, פון אַמעריקע קיין אייראָפע און ווידער אַ מאָל אַמעריקע. זײַן וואַנדערן איז פאַקטיש אויך פאַרבונדן מיט זײַן ירידה־פעריאָד, וואָס צוזאַמען ברענגען זיי אים קראַנקהייט און פשוטן הונגער. דעם 9טן יאַנואַר 1908 איז דער פאָטער פון יִדישן טעאַטער געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

גערטנער יאַקאָוו

געבוירן דעם 20טן נאָוועמבער 1900 אין וואַרשע, ביי אַ פאָטער אַ קליינהענדלער. געלערנט אין חדר, תלמוד־תורה און פריוואַט וועלטלעכע למודים.

פון דער פריסטער יוגנט זיך אינטערעסירט מיט טעאַטער און אין 1917 זיך באַטייליקט אין דעם דראַמקרײַז בײַם גראָסער־קלוב, דערנאָך אין דער דראַמסעקציע בײַם „הזמיר", ביז ער איז אין 1920 אַרײַנגעטראָטן אין דער „ווילנער טרופע". אַ קורצע צײַט שפעטער אָפגעפאָרן קיין מאָסקווע, ווו ער איז אָנגעקומען אין דער גראַנאָווסקי־סטודיע און שפעטער אַקטויִרט ווי אַ מיטגליד אינעם מאָסקווער יִדישן מלוכה־טעאַטער.

גרודבערג יצחק — יצחק בער טורקאוו

געבוירן דעם 12טן יאנואר 1906 אין ווארשע. א ברודער פון די ארטיסטן זיגמונט און יאנאס טורקאוו. געלערנט אין א חדר־מתוקן און ביי זיין ברודער זיגמונט. געענדיקט גימנאזיע. געלערנט אין דער אגראר־שול פון טשענסטאכאוו און געארבעט אויף די חלוצים־פארמעס פון מנישעוו און גראכאוו. ווערנדיק אריינגעצויגן אין דער ציוניסטיש־סאציאליסטישער ארבעטער־באוועגונג, איז גרודבערג איניקע מאל געווען סעקרעטאר פון דער רעכטער פועלי ציוניסטישער יוגנט־באוועגונג און מיטרעדאקטאר פון זייער חודש־זשורנאל „ארבעטער־יוגנט".

אין 1924 זיך באטייליקט אין אן עפיזאדן־ראל אין פילם. געטאן טעכניש־ליטערארישע ארבעטן. געווען טעכנישער רעדאקטאר פון „יידישע בינע" — ארגאן פון ארטיסטן־פאראיין. פארעפנטלעכט אין דער טעאטער־אפטיילונג פון די „ליטערארישע בלעטער" אינטערוויוען, כאראקטעריסטיקעס פון אקטיארן, רעצענזיעס. אין 1926 אריינגעטראטן אין דער וואנדער־טרופע פון זיגמונט טורקאוו און אידא קאמינסקא. אין סוף יאר אריינגעטראטן אין הערמאנס סטודיע און איבערגעגאנגען אין „אזאזעל", וועלכן ער פארלאזט באלד און טרעט אריין אין דער וואנדער־טרופע פון יאנאס טורקאוו.

גרודבערג האט אחוץ ראמאנען איבערגעזעצט, באארבעט און אנגעשריבן א סך פיעסן פון בעסערן רעפערטואר, וועלכע זענען אויפגעפירט געווארן אין די בעסערע טעאטערס פון פוילן.

גרודבערג געפינט זיך איצט אין פוילן, ווו ער איז איינער פון די אנפירער און מיטארבעטער פונעם יידישן מלוכה־טעאטער אין לאדזש־ווראצלאוו.

דראנאוו נאטאן

געבוירן בערך 1884 אין פונדאקלעווקע, קיעווער גובערניע, ביי פרומע עלטערן. געלערנט אין חדר, ישיבה און געזונגען ביי ניסן בעלזער.

אין עלטער פון 18 יאר אנטלאפן פון דער היים מיט קאסטעלאנים איטאליענישער וואנדער־אפערע־טרופע, ווו ער איז צו ערשט געווען סופלאר, דערנאך סאליסט אין כאר, צוציענדיק די אויפמערקזאמקייט צו זיין שיינער באריטאן־שטים.

נאכן ארומפארן איניקע יאר מיט דער טרופע, האט אים די דירעקציע ארויסגעשטעלט די פאדערונג זיך צו שמדן. ער ווארפט אפ דעם פארשלאג, טרעט ארויס פון דער טרופע, און גייט אריבער אין סאבסיים יידישער טרופע, ווו ער טרעט אויף אין ליבהאבער־ראלן.

זינט דעמאלט שפילט ער אין די וויכטיקסטע יידישע טרופעס פון רוסלאנד און פוילן. איבערגייענדיק פון ביליקן אפערעטישן און דראמאטישן צום ריינעם דראמאטישן און אפערעטן־רעפערטואר. אין פעריאד ווען די יידישע בינע אין פוילן הייבט אן צו שפילן דעם נייעם אריגינעלן און איבערגעזעצטן רעפערטואר, איז דראנאוו איינער פון די אוואנגארד־שוישפילער און שאפט אויסגעצייכנטע טיפן פון זיינע ראלן.

דראנאוו איז געווען אין רוסלאנד און אין פוילן פאררעכנט פאר איינעם פון די טאלאנטירסטע און פארשטענדיקסטע יידישע שוישפילערס און האט פארמאגט א באזונדערע אייגנשאפט צו צייכענען די טיפן און כאראקטערן, וועלכע ער האט פארגעשטעלט אויף דער בינע, איבערהויפט מיט זיין אימפאזאנטער האלטונג. אויסער דעם איז ער געווען באשאנקען מיט א ריינער דיקציע און א פרעכטיקער העלער באריטאן־שטים.

צוליב אן אומהיילבארער קראנקהייט ווערט ער טויב אויף אן אויער און ער מוז ארויסטרעטן נאר אין שוין איינגעשטודירטן רעפערטואר, באזונדערס אין זיינע פאפולער דערווארבענע עטיודן: „דער משוגענער אין שפיטאל", „די נאכט פון זעלבסטמארד". די דאזיקע איינאקטערס זענען אין זייער צייט געווען דער יסוד רעפערטואר פון די פארשידענע ליבהאבער־קרייזן.

ביים אויסבראך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געפינט זיך דראנאוו אין מינסק, דערנאך וואנדערט ער איבער פארשידענע שטעט פון רוסלאנד, ביז ער קומט אן אין 1917 אין כארבין. אויפן וועג ווערט ער בארויבט, צוליב וואס ער באקומט א נערוון־דערשיטערונג און נאכן ליגן 3 יאר אין שפיטאל פון נערוון־קראנקע שטארבט ער אין כארבין דעם 20טן סעפטעמבער 1920.

פארן ווארשעווער טעאטער־גייער איז דראנאוו געווען איינער פון די באליבסטע און פאפולערסטע בינע־קינסטלער. זיין שפילן האט דערצויגן גאנצע 3 דורות טעאטער־גייער, און זיי באאיינפלוסט אויף אזוי פיל, אז נישט נאר אין געזעלשאפט פלעגט מען נאכזינגען און קאמענטירן דראנאוון, נאר ס'איז געווען אן אפטע דערשיינונג צו זען ווי יונגעלייט גייענדיק אויף דער גאס „שפילן" זיי נאך דראנאווס פראזע.

דראנאוו איז געווען א געבענטשטער קינסטלער און געבענטשט געווארן פון זיינע צוהערערס.

פרץ הירשביין־טרופע

אין יאר 1908 אין אדעס איז אויף דער איניציאטיוו פון די דיכטער ב. שאפיר און ח. נ. ביאליק געגרינדעט געווארן די אזוי פאפולער געוועזענע „הירשביין־טרופע".

די הירשביין־טרופע איז געווען דער אוואנגארד פונעם בעסערן יידישן פראפעסיאנעלן טעאטער. האט געשאפן די קאדרען פון בעסערן יידישן אקטיאר און געלייגט דעם יסוד פאר א בעסערן יידישן טעאטער־פובליקום.

די ראדיקאלע רוסישע פרעסע האט זייער ווארעם אויפגענומען די פארשטעלונגען און באצייכנט די טרופע אלס „יידישן קונסט־טעאטער" און דאס האט גורם געווען, אז די ווארשעווער „ליטערארישע געזעלשאפט" מיט פרצן בראש האט פארבעטן די טרופע אויף גאסטראלן אין ווארשע, ווו זי האט אנגעהויבן שפילן דעם 26טן פעברואר 1910 אין מוראנאווער טעאטער. איבער 10 פארשטעלונגען זענען אדורך מיט א גרויסן מאטעריעלן דערפאלג. אין יולי 1910, נאך די גאסטשפילן אין קאוונע און אין דווינסק צעפאלט זיך די טרופע צוליב די זייער שלעכטע געשעפטן.

דענציס בנימין

אין „ווארשעווער יודישע צייטונג" נומער 43 פונעם 23טן נאוועמבער 1867 געפינט זיך דער ווייטערדיקער אנאנס: „אין מיין באווארניע אויף די נאלעווקעס, אין הערן נאטאנזאנס הויז נומער 2244 געבן דיא באריהמטע בראדערזענגער פארשטעלונגען יעדען אבענד און 7 אוהר, צו דיזער געזעלשאפט געהערט אויך דער ערשטער קאמיקער קאפקע דובינסקי אונד דער זעלטענער הומאריסט בנימין דענצים אוים זיטאמיערזש, וועלכע זעהר אויבגעצייכנטע זאכען פארשטעלען".

העלין דוויד

אַ וואַרשעווער, האָט אין 1840 אַרײַנגעגעבן אין וואַרשע אַ בקשה פֿאַר אַ דערלויבעניש אויף „15 דראַמאַטישע פֿאָרשטעלונגען אין דער ייִדישער שפּראַך".

העלינס ביטע איז אָפּגעזאָגט געוואָרן צוליב דער מסירה פֿון קהילה־שטיבל.

אַזעלכע מסירות זענען אָפֿט פֿאָרגעקומען. דעם 8טן מערץ 1837 שרײַבט דער דאָזאָר אַ. פּאָפּראָצקי צום וואַרשעווער פּאָליצמײַסטער:

„צום דאָזאָר איז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז עטלעכע ייִדן זענען זיך משתדל, מ'זאָל זיי דערלויבן דעם קומענדיקן פּורים פֿאָרצושטעלן אַ סצעניש שוישפּיל אין דער ייִדיש־דײַטשער שפּראַך. דער אָנגעזעענער רב און אַ סך מיטגלידערס פֿון דער היזיקער קהילה האָבן זיך געווענדט צום דאָזאָר בוזשניצי — קהילה־ראַט —, און דער לעצטער האָט די ערע צו בעטן דעם געשעצטן גענעראַל, ער זאָל זיך רעכנען דערמיט, וואָס אַזאַ פֿאָרשטעלונג נישט נאָר וואָס זי האָט נישט קיין שום מאָראַלישן אײַנפֿלוס אויף די געמיטער פֿון די צוהערערס, נאָר, פֿאַרקערט, זי איז אַן אומאַנשטענדיק אָפּשפּעטעניש, וואָס שטופּט צו דעמאָראַליזאַציע, און דאָס איז, לויט די רעליגיעזע דינים, שטרענג פֿאַרבאָטן. — און זאָל באַוויליקן נישט צו דערלאָזן אַזעלכע פֿאָרשטעלונגען זאָלן פֿאָרקומען, ווי אויך אַזוי גוט זײַן, אויב עס וועט נויטיק זײַן, פֿאָרצושטעלן ווי מ'דאַרף, אַז אויך אַן אַנדער מאַכט זאָל נישט אַרויסגעבן דערויף קיין דערלויבעניש".

דעם 17טן מערץ 1839 האָט דער דאָזאָר זיך ווידער געווענדט וועגן אַן ענלעכן ענין צום וואַרשעווער שטאָטישן וויצעפּרעזידענט:

„היות דער קאַרנאַוואַל האָט זיך בײַ ייִדן שוין לאַנג געענדיקט, און דערצו נאָך איז אַ מינהג אין די ייִדישע קהילות, אַז נאָך דער פּטירה פֿון אַזאַ אויסגעצייכנטן רב ווי דער פֿאַרשטאָרבענער שלמה ליפּשיץ איז געווען, זאָל הערשן אַ געוויסער טרויער אין משך פֿון עטלעכע וואָכן, מחמת דעם איז דער דאָזאָר בוזשניטשי דרייסט צו בעטן, אַז דער הויכגעבוירענער ה' גענעראַל זאָל באַוויליקן נישט צו דערלאָזן אויף ווייטער די פֿאָרשטעלונג פֿון טעאַטער שטיק אין דער ייִדישער שפּראַך, איבער הויפּט, אַז נישט נאָר וואָס דאָס האָט נישט קיין מאָראַלישן ציל, ווי דער דאָזאָר האָט שוין געהאַט די ערע פֿריִער פֿאָרצושטעלן, נאָר פֿאַרקערט, עס ווערט אַ סיבה פֿון דעמאָראַליזאַציע און פֿאַרדאָרבונג. וועגן גיכן רעזולטאַט האָט דער דאָזאָר די ערע צו בעטן".

דעם 10טן אַפּריל 1840 האָט דער דאָזאָר זיך ווידער געווענדט מיט אַ מסירה, און אָט איז דער ענטפֿער פֿון אויבערפּאָליצמײַסטער פֿון 12טן אַפּריל 1840:

„אַלס תשובה אויף דער פֿאַרלייגונג פֿון דאָזאָר בוזשניטשי פֿון 10טן פֿון דעם חודש לויט נומער 1555, גיט צו וויסן: היות די מיינונג פֿון דעם דאָזיקן דאָזאָר, וואָס ער האָט אויפֿגעשריבן אויף דער ביטע פֿון ייִד דוויד העלין, וועלכע יענער האָט דערלאַנגט דעם 18טן פֿעברואַר פֿון דעם יאָר, וועגן אַ דערלויבעניש צו געבן 15 דראַמאַטישע פֿאָרשטעלונגען אין דער ייִדישער שפּראַך, איז געווען נישט גינסטיק, מחמת דער דאָזיקער דאָזאָר האָט אָנגעשריבן, אַז די שוישפּיל, וואָס ווערט געגעבן אין דער אומרייִנער שפּראַך, מאַכט נישט קיין מאָראַלישן אײַנדרוק אויפֿן געמיט פֿון די צוהערערס נאָר פֿאַרקערט ווערט אַן אומאַנשטענדיק געשפּאָט, וואָס פֿירט צו דעמאָראַליזאַציע און שיקאַנע, — דעריבער האָט דער הויכגעבוירענער ה' גענעראַל־אַדיוטאַנט שיפּאָוו, וואָס דערפֿילט די פֿליכטן פֿון מיליטערישן גובערנאַטאָר פֿון דער שטאָט וואַרשע, פֿאָרשטעלנדיק דעם דאָזיקן אומשטאַנד זײַן דורכלויכט דעם פֿירשט פֿעלדמאַרשאַל, אין נאָמען פֿון זײַן פֿירשטלעכער מאַכט, באַפֿוילן צו וויסן צו געבן דעם ייִד דוויד העלין, דורך דער קאַנצעלאַריע פֿון דער וואַרשעווער פּאָליציי, אַז אויב אַזעלכע פֿאָרשטעלונגען קענען ווירקלעך, אַרויסרופֿן עפּעס אַן אומצופֿרידנקייט בײַם דאָזאָר בוזשניטשי, אָדער זענען קעגן דער ייִדישער רעליגיע, איז בעסער אָפּצוזאָגן העלינס ביטע, ביז ער וועט נישט אויספֿועלן אַ דערלויבעניש בײַ דעם דאָזיקן דאָזאָר".

הילסבערג מרדכי

געבוירן אין יאָר 1897 אין וואַרשע בײַ חסידישע עלטערן, געזונגען אַלס משורר אין שיל. און פֿון דאָרט אַרײַנגענומען געוואָרן אין קינדערכאָר פֿון ייִדישן טעאַטער, וווּ ער שפּילט שפּעטער אויך קינדערראָלן.

אין 1915 אָנגעהויבן שפּילן ראָלן פֿון דערוואַקסענע אין גאָלדפֿאַדען רעפּערטואַר. אין 1917 געשפּילט אין אסתּר רחל קאַמינסקיס טרופּע. נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אַרײַנגעטראָטן אין 1920 אין קיעווער „אונדזער־ווינקל" און דערנאָך אין ר. זאַסלאַווסקיס „קונסטווינקל". זינט 1921 צוריק אין פּוילן, וווּ ער האָט געשפּילט אין פֿאַרשידענע טרופּעס. אין 1930 ווידער אין ריגער „נײַער ייִדישער טעאַטער".

האָרן רוזשע

געבוירן בערך אין יאָר 1873 אין וואַרשע. געזונגען אין כאָר בײַ ווייספּעלדן און נאָך דעם געוואָרן אַ פּרימאַדאָנע, שפּילנדיק גאָלדפֿאַדענס רעפּערטואַר. זי האָט געהאַט אַ שיינעם לירישן סאָפּראַן און אַרויסגעוויזן אַרטיסטישע פֿעיִקייטן. בערך אין יאָר 1899 איז זי געשטאָרבן אין וואַרשע פֿון שווינדזוכט.

ווײַספּעלד משה

געבוירן אין וואַרשע. באַזיצער פֿון אַ האַנדלסשול אין וואַרשע — עק דזשיקע און וואָלינסקע — אין וועלכע ס'זענען אין 1883 פֿאָרגעקומען אין די אָוונטן ייִדישע טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען. אין 1893 איז ווײַספּעלד געווען צוזאַמען מיט זײַן שווער דוויד שוואַרצבאַרד דער דירעקטאָר פֿון דער ייִדישער טרופּע אין „עלדאָראַדאָ". אין דער דאָזיקער טרופּע האָט אויך דעבוטירט אסתּר רחל קאַמינסקי. אין 1905 עפֿנט ווײַספּעלד דאָס מוראַנאָווער־טעאַטער פֿאַר אַ ייִדישער טרופּע, און גייט איבער צוזאַמען מיט סעם אַדלער צו שפּילן מיט דער טרופּע אין טעאַטער „נאָווי" אויף קראָלעווסקע.

וואַסערמאַן יעקבֿ (יאַקוב)

געבוירן אַרום 1880 אין פּלאָצק, פֿיל געוואַנדערט איבער מערבֿ־אייראָפּע, אַמעריקע, אינדיע און אַנדערע לענדער. אַ צײַט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געוווינט אין וואַרשע, וווּ ער איז געווען לערער פֿון ענגליש. חוץ אַרטיקלען אין פֿאַרשידענע לינקע צײַטשריפֿטן, האָט וואַסערמאַן אַרויסגעגעבן אַ בוך „דאָס טעאַטער און דער סאָציאַליזם". ער איז אויך געווען רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פֿון זשורנאַל „אַרבעטער קולטור און קונסט" פֿון וועלכן עס איז דערשינען נאָר איין נומער.

דער גרעסטער פאַרדינסט וואַסערמאַנס איז געווען, זײַנע סיסטעמאַטישע לעקציעס וועגן טעאַטער און ליטעראַטור אין די לאָקאַלן פון די וואַרשעווער פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. נישט נאָר האָט וואַסערמאַן דערצויגן אַ דור טעאַטער גייער, נאָר אויך אויסגעבילדעט אַ צאָל יונגטלעכע אַרבעטער פאַר די דראַמקרײַזן בײַ די פּראָפ' פאַראיינען.

ווילנער־טרופּע

אונטערן נאָמען „פאַראיין פון ייִדישע דראַמאַטישע אַרטיסטן אין ווילנע אונטער דער לייטונג פון מ. קאָוואַלסקי" — פאַראַ — האָט זיך אין ווילנע געגרינדעט די שפּעטער אַזוי באַרימטע „ווילנער טרופּע" צונויפגעשטעלט פון ליבהאָבער און קעמפער פאַר אַ בעסער ייִדיש טעאַטער אין ווילנע, מיטן אָנטייל פון איין פּראָפעסיאָנעלן אַקטיאָר מתתיהו קאָוואַלסקי, וועלכער האָט דעמאָלט — אין אָנהייב פון דער דײַטשער אָקופּאַציע אין ווילנע 1915—1916 — געפונען אין יענער שטאָט.

די ערשטע פאָרשטעלונג האָט די טרופּע געגעבן פרײַטיק דעם 18טן פעברואַר 1916 אין בנין פון צירק־טעאַטער אויף לוקישקי. אויפגעפירט געוואָרן איז שלום אַשס קאָמעדיע „דער לאַנדסמאַן". די פּרעסע, סײַ די ייִדישע, סײַ די דײַטשע, האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן וועגן דער פאָרשטעלונג און האָט באַלד געגעבן זייער שטיצע פאַרן דאָזיקן טעאַטער. זינט דעמאָלט האָט די טרופּע אויפגעפירט די בעסערע פּיעסן, ווי הירשביינס „אַ פאַרוואָרפן ווינקל", נאָמבערגס „משפחה", אַשס „גאָט פון נקמה", פּינסקיס „יאַנקל דער שמיד", אַרנשטיינס „דאָס ווילנער בעל־הביתל" א"אַ. אָבער מיט דער גאַנצער מאָראַלישער שטיצע האָט דאָס טעאַטער, געקענט שפּילן בלויז צוויי מאָל אין וואָך, פרײַטיק און שבת, אָדער שבת און זונטיק, און הגם די טרופּע פלעגט באַקומען דעם צירק־בנין אומזיסט — כדי אויסצומײַדן אַ רעקוויזיציע פון בנין מצד דעם מיליטער — זענען פאָרט די הוצאות געווען גרעסער ווי די הכנסות אַזוי אַז סוף ווינטער האָט מען שוין געשפּילט בלויז שבת אין אָוונט. פאַרענדיקט דעם ערשטן סעזאָן האָט די טרופּע מיט לעאָן קאָברינס „דער דאָרפסיונג" און געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג.

איצט האָט די דײַטשע מאַכט גענומען ערנסט זיך רעכנען מיט דער טרופּע און איר איבערגעגעבן דעם שטאָט־טעאַטער, וווּ מען האָט אָנגעהויבן שפּילן דעם 10טן נאָוועמבער 1916. די טרופּע איז דערווײַל פּאָפּולער געוואָרן און עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פאַרבעטונגען פאַר גאַסטראָלן אויף דער פּראָווינץ. אין מײַ 1917 איז די טרופּע אַרומגעפאָרן און האָט געגעבן פאָרשטעלונגען אין קאָוונע, סוּוואַלק, גראָדנע און ביאַליסטאָק, אומעטום מיט דערפאָלג.

אַ גאַנצע ריי דײַטשע און ייִדיש־דײַטשע שריפטשטעלער און קינסטלער האָבן אין דער אַלגעמיינער דײַטשע פּרעסע פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען מיט פאָטאָגראַפיעס פון די אַקטיאָרן פאַרגלײַכנדיק זיי צו די ערנסטע אייראָפּעיִשע טעאַטערס. די ווירקונג איז געווען אַזוי ווײַט, אַז די דײַטשע מיליטערישע מאַכט אין ווילנע האָט אַלע אָנטיילנעמער פון דער טרופּע באַפרײַט פון די אָבליגאַטאָרישע צוואַנגאַרבעטן.

אַ דאַנק דער וואַרעמער רעקאָמענדאַציע פון אסתר רחל קאַמינסקי, איז די טרופּע אײַנגעלאַדן געוואָרן קיין וואַרשע, אין טעאַטער „עליזעום". אויפן פאָרלייג פון הערש דוויד נאָמבערג האָט זיך די טרופּע אָנגעהויבן רופן „ווילנער טרופּע".

אין וואַרשע איז די טרופּע אויפגענומען געוואָרן מיט באַגײַסטערונג. באַלד נאָך דעם פאָרן זיי קיין לאָדזש און לובלין.

בעתן אויסבראָך פון דער רעוואָלוציע אין דײַטשלאַנד, צוליב חלוקי־דעות און צוליב דער מורא צו ווערן אָפּגעריסן פון ווילנע, טיילן זיך אָפּ אַ גרופּע אַקטיאָרן פון דער טרופּע און פאָרן קיין ווילנע, וווּ עזרא און שולמית גרינדן דאָס „ווילנער ייִדישע מלוכה־טעאַטער". די „ווילנער טרופּע" אין וואַרשע לאַדט אײַן ד. הערמאַנען אַלס רעזשיסער. ס'ווערן געמאַכט אַ ריי קינסטלערישע אויפפירונגען מיטן אָנטייל פון פריש צוגעקומענע אַקטיאָרן. אין 1920 בעת דעם פּויליש־סאָוועטישן קריג צעפאַלט זיך די „ווילנער טרופּע". נאַרוויד, שידלאָ און גערטנער גייען מיט מיטן אָפּטרעטנדיקן סאָוועטישן מיליטער און בלײַבן אין מאָסקווע, עזרא און שולמית, פאָרן קיין קאָוונע, וווּ זיי שפּילן אַ קורצע צײַט און פאָרן פון דאָרט קיין בערלין.

צו דער וואַרשעווער „ווילנע טרופּע" זענען צוגעקומען אַ ריי אַקטיאָרן וועלכע זענען געבליבן אין די שטעט וואָס די רויטע אַרמיי האָט פאַרלאָזט. דעם 9טן דעצעמבער 1920 אין טאָג פון די שלושים נאָך ש. אַנסקין, ווערט אויפגעפירט זײַן פּיעסע „דער דיבוק", וועלכע האָט געהאַט אַ ריזיקן דערפאָלג.

נאָכן אויפפירן לייוויקס „שמאַטעס", גוצקאָווס „אוריאַל אַקאָסטאַ", שלום עליכמס „שווער צו זײַן אַ ייִד", לאָזט זיך די טרופּע ווידער אַרויס אויף אַ טורנעע קיין לאָדזש, גאַליציע און ווין וווּ זיי שפּילן 6 חדשים אין ראָלאַנד טעאַטער. פון ווין פאָרן זיי ווידער קיין גאַליציע און נאָך דעם קיין רומעניע. די „ווילנער טרופּע" ווידער וואָס האָט געשפּילט אין בערלין, מאַכט אויך אַ טורנעע איבער דײַטשלאַנד, האָלאַנד, בעלגיע, פראַנקרײַך און ענגלאַנד. אין מײַ 1923 פאָרט די טרופּע קיין נאָרד־אַמעריקע, וווּ זי הייבט זיך אָן צו ביסלעכווײַז פונאַנדערפאַלן, אַזוי אַז אויסער עטלעכע „ווילנער" בלײַבט נישט מער ווי דער נאָמען.

די „ווילנער" וואָס זענען געבליבן אין אייראָפּע, פאָרן אין זומער 1923 קיין רומעניע, וווּ זיי שפּילן פון 1טן יולי ביזן 9טן סעפּטעמבער 1923. נאָכן וואַנדערן אין רומעניע פון איין שטאָט אין דער אַנדערער ווערט צום סעזאָן 25—1926, געגרינדעט אַ געזעלשאַפט אויפצוהאַלטן די „ווילנער טרופּע", וועלכע האָט געמוזט צוליב לעגאַלע טעמים ענדערן איר נאָמען אויף „דראַמע און קאָמעדיע".

צוליב די גרויסע קאָסטן פון די אַלץ נײַע אויפפירונגען און דעם שוואַכן באַזוך, דערגייט די געזעלשאַפט צו באַנקראָט. די טרופּע ווערט ווידער זעלבשטענדיק און נעמט אָן דעם אַלטן נאָמען „ווילנער טרופּע" און הייבט ווידער אָן צו וואַנדערן פון איין שטאָט אין דער צווייטער, ביז אין טשערנאָוויץ ווערט אין אַפּריל 1926 אויפגעפירט די פּיעסע „דער דעטעקטיוו" פון ראָמולוס וואַינעסקו — איבערגעזעצט דורך ד"ר שלמה ביקל — די פּיעסע רופט אַרויס אַ סקאַנדאַל, מחמת דעם וואָס איר מחבר איז דער פאָרשטייער פון דער געהיים־פּאָליציי. צוליב דעם סקאַנדאַל, קומט עס צו אַ שפּאַלטונג אין דער טרופּע, און די איבערגעבליבענע קערן זיך אום צוריק קיין פּוילן.

דעם 22טן מאַרץ 1928 קומט די טרופּע קיין וואַרשע און שפּילט אין „עליזעום" טעאַטער. צוליב די הויכע שטײַערן און אַנדערע מניעות, פאַרלאָזט די „ווילנער טרופּע" ענדגילטיק וואַרשע דעם 9טן מײַ 1929 און מאַכט אַ טורנעע איבער דער פּראָווינץ.

אין משך פון די 14 יאָר פון איר עקסיסטענץ האָבן אין דער „ווילנער טרופע" געשפילט די ווײַטערדיקע אקטיאָרן: ל. קאדיסאָן, י. שערמאן, עזרא, סאָניא עלמית, פרידא בלומענטאל, ריווקין־ריוורקינא, פ. קאלען, שלום טאנין, נח נאכבוש, ש. שניאור, א. לערער, יהודית לארעס, פאָליא וואלטער, מתתיהו קאָוואלסקי, אליהו שטיין, בן ציון קיט, שמואל שעפטעל, לאה נעמי, דוויד הערמאן, נארוויד, שידלאָ, בעלא בעלארינא, מרים ווײדע, מרים שיך, מרים אָרלעסקאָ, אייכען, יעקב גערטנער, מיכל ווייכערט, לעאָניד סנייגאָוו, אסתר אָוושעסקאיא, הערץ גראָסבארד, קלארא סעגאלאָוויטש, אברהם טירטלבוים, שלמה קאָן, יוסף בולאָוו, ראָזא בירנבוים, לייזער זשעלאָזאָ, אברהם מאָרעווסקי, חוה בראָז, יוסף קאמיען, יעקב ווייסליץ, א. סלאָבאדינסקי, יצחק קאָוונער, משה פעדער, דוויד האמבורגער, וואָלף זילבערבערג, בעטי דאָלסקא, בלייפער, יוסף גרינבערג, וויטאלינא, לוכאצקי, ווענדאָרף, חנה קאדיסמאן, מ. מאזאָ, ש. גאָרין, י. לאכעס, שימחה נאטאן, נעמי נאטאן, ש. אירים, בראקאזש, רחל האָלצער, האבער, וויינשטאָק, נאדיא קארעני, דוויד בירנבוים, אסתר גאָלדענבערג, זלמן הירשפעלד, רות טארן, דוויד ליכט, יעקב קורלענדער, ב. קרעמער, אסתר ראפעל, פערל רות.

ד״ר ווייכערט מיכל

געבוירן דעם 5טן מײַ 1890 אין סטארע־מיאסטאָ, גאליציע. זײַן פאָטער איז געווען א תבואה סוחר. געלערנט אין א פוילישער פאָלקסשול און נאָכמיטאָג אין א חדר־מתוקן, דערנאָך אין דער פוילישער גימנאזיע. שטודירט אין לעמבערגער אוניווערסיטעט און פילנדיק דערבײַ א נייגונג צו טעאטער. אוועק אין 1910 קיין ווין, וווּ ער באזוכט א דראמאטישע שול, ענדיקט דעם יורידישן פאקולטעט, הערט לעקציעס אין פילאָזאָפישן פאקולטעט וועגן שפראך־וויסנשאפט, ליטעראטור, טעאטער־קונסט, מאכט אין 1916 דעם דאָקטאָראט, קומט אָן דערנאָך אין בערלין אלס האָספיטאנט צו מאקס ריינהארד און פארענדיקט צו גלײַך אין אוניווערסיטעט די ליטעראטור־טעאטער־ און קונסט־היסטאָרישע שטודיעס. פארבלײַבנדיק אין ווארשע האָט ווייכערט איבערגענומען די רעזשי־לייטונג בײַ דער „ווילנער־טרופע" וווּ ער האָט געמאכט עטלעכע אויפפירונגען. פארנעמט זיך איבערהויפט מיטן שרײַבן אָפהאנדלונגען און האלט לעקציעס וועגן טעאטער.

אין מײַ 1928 האָט ער רעזשיסירט אין דער „ווילנער־טרופע" זײַן דראמאטיזאציע פון שלום אשס „קדוש השם" וואָס איז געשפילט געוואָרן 250 מאָל כמעט אָן הפסקה. ווייכערט האָט אָנגעפירט אין ווארשע מיט א ייִדישער דראמאטישער שול.

בעת דער נאצישער אָקופאציע איז ווייכערטס ראָלע אין די געטאָס געווען אזא, אז נאָך דער באפרײַונג איז ער פארמשפט געוואָרן דורך א ייִדישן געזעלשאפטלעכן געריכט אויף געזעלשאפטלעכע איזאָלאציע. הײַנט לעבט ער אין פוילן א פארגעסענער.

זיידערמאן

געווען א משורר אין דער ווארשעווער סינאגאָגע אויף דאנילאָוואטשעווסקע. אין 1876 האָט ער זיך באטייליקט אין ווארשע אין דער אויפפירונג פון „מכירת יוסף" און „גדולת יוסף" וואָס זענען געשפילט געוואָרן אין 2 נעכט. דערנאָך געוואָרן אן אָפערן־זינגער און שפעטער א מוזיק־פראָפעסאָר אין בערלין, וווּ ער איז אין 1922 געשטאָרבן.

זיידערמאן איז לויט אלע ווארשיינלעכקייטן, געווען א מיטגליד אין בעללוים טרופע אין ווארשע.

זילבער לאָניא.

געבוירן דעם 28טן אויגוסט 1895 אין ווארשע. דער פאָטער איז געווען א קליינער באזיצער פון א שיכפאבריק.געלערנט אין א פאָלקסשול און ייִדיש בײַ א לערער. דורך דער איניציאטיוו פון רעגינא קאמינסקא ארײַנגענומען געוואָרן אין כאָר פון קאָמפאניעעצן, וווּ זי האָט אויך געשפילט קינדערראָלן, דערנאָך איבערגעגאנגען צו סוברעטן־ראָלן. פון קאָמפאניעעצן אריבער אין קאמינסקים טעאטער. אין 1911 אויסגעוואנדערט קיין נאָרד־אמעריקע, וווּ זי האָט א געוויסע צײַט געשפילט אין די וואנדער־טרופעס איבער דער אמעריקאנער פראָווינץ און שפעטער זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

זילבערקאָסטן משה

געבוירן דעם 5טן נאָוועמבער 1891 אין ווארשע, בײַ עלטערן חסידים, קליינהענדלער, וווינענדיק אין שכנות מיטן פוילישן פאָלקס־טעאטער, האָט ער אין דער פריסטער יוגנט געהאט די געלעגנהייט דאָרט צו ווערן א סטאטיסט, און פלעגט אין דער היים נאָכקאָפירן די אקטיאָרן.

אין 1907 אָרגאניזירט ער א ליבהאָבער־טרופע מיט וועלכע ער פירט אויף „אוריאל אקאָסטא" און אין 1909 טרעט ער ארײַן אין יוליוס אדלערס טרופע. אין 1911 שפילט ער אין דער אָפערעטן־טרופע פון סאנדלער, ליבער און קאָמפאניעץ אין ווארשע. בעתן אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה פאָרט ער דורך כארבין, יאפאָן קיין נ׳ אמעריקע, וווּ ער שפילט, אויסער אין אנדערע טרופעס, אויך אין „ייִדישן קונסט־טעאטער".

זילבערשטיין שמעון

געבוירן דעם 15טן מערץ 1886 אין ווארשע. דער פאָטער איז געווען א קאָמיסיאָנער פון שפײַז־ארטיקלען. געלערנט אין חדר, אין פראָגימנאזיע, געזונגען בײַ די חזנים לעוואנדאָווסקי, גריצהענדלער און לעווענזאָן און דערנאָך געשפילט קינדערראָלן בײַ פישזאָנען.

באקומענדיק א טענאָר־שטימע איז ער ארײַנגעטראָטן אין כאָר בײַ קרויזן וווּ ער האָט אויך אָנגעהויבן צו שפילן עפיזאָדן־ראָלן, דעבוטירנדיק אין „זשארדען ד׳היווער". נאָכן שפילן 4 יאָר אין ווארשע בײַ קאמינסקי, פאָרט ער קיין לאָדזש און שפילט בײַ זאנדבערגן און באלד דערנאָך קומט ער צוריק קיין ווארשע צו קאָמפאניעצעס טרופע. אין יאָר 1911 איז ער אָפגעפאָרן קיין נ׳ אמעריקע און נאָך עטלעכע פרוּוון בײַם טעאטער, זיך צוריקגעצויגן פון דער בינע.

טורקאָוו רחל

געבוירן דעם 10טן יאנואר 1908 אין ווארשע, א שוועסטער פון זיגמונט, יאָנאס, יצחק און מארק טורקאָוו. דורכגעגאנגען פריוואט דעם קורס פון 7־קלאסן גימנאזיע. געענדיקט אין 1927 די פוילישע דראמאטישע שול פון הרינעוויעצקא און נאָך אן עקזאמען אָנגענומען געוואָרן אלס מיטגליד אין ייִדישן ארטיסטן פאראיין. האָט געשפילט אין זיגמונט טורקאָווס טרופע און זיך באטייליקט אין עפיזאָדן־ראָלן אין די ייִדישע פילמען „תקיעת כף" און אין „די פוילישע וועלדער".

בעת די נאצי הערשאפט, איז זי פון ווארשעווער געטאָ ארויסגעשיקט געוואָרן אין די גאזאויוונס אין טרעבלינקע.

טורקאָוו זיגמונט

געבוירן דעם 6טן נאָוועמבער 1896 אין וואַרשע, בײַ פאַרמעגלעכע בעל־הביתישע עלטערן. געלערנט אין חדר, דערנאָך אין דער רוסישער שול און שפּעטער געענדיקט 6 קלאַסן אין קרינסקיס האַנדלס־שול. נאָך אַלס שילער זיך אויסגעצייכנט אין מאָלערײַ און אין שניצערײַ, אָבער דער עיקר אינטערעס אַרויסגעוויזן צו טעאַטער. שוין אַלס קינד פון 10—12 יאָר האָט ער זיך באַטייליקט אין די הויפּטראָלן פון העברעיִשע, פּוילישע און רוסישע שול־פאָרשטעלונגען און באַלד געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון טעאַטער־מבינים. באַזוכנדיק אָפט דאָס פּוילישע טעאַטער, פלעגט ער דערנאָך, צוזאַמען מיט זײַן ברודער יאָנאַס, אײַנאָרדנען אין קעלערשטיבער, אויף בוידעמס, אין דער קיך פון זייער וווינונג, אין דער עיקר יעדן שבת בײַ זײַן פעטער „קינדער־פאָרשטעלונגען" אויף וועלכע זיי האָבן נאָכגעשפּילט אין פּויליש סצענעס פון „שײַלאָק", „מאַקבעט" און „אָטעלאָ".

טורקאָוו שטודירט פּריוואַט טעאַטער־ליטעראַטור, שליסט דאַן חברותא מיט פּוילישע אַקטיאָרן און מאָלט פאַר זיי פאַרשידענע פּראָיעקטן צו דעקאָראַציעס און קאָסטיומען. מיט שווערער מי — צוליב זײַן ייִדישקייט — געלינגט אים אַרײַנצוטרעטן אין דער רוסיש־פּוילישער דראַמאַטישער מלוכה־שול בײַ די וואַרשעווער רעגירונגס־טעאַטערס. נאָך אַ קורצער צײַט גייט ער איבער אין דער פּריוואַטער דראַמאַטישער שול בײַ דער פּוילישער מוזיק־געזעלשאַפט. נאָכן ענדיקן די דראַמאַטישע שול — אין 1915 האָט טורקאָוו אַ קורצע צײַט געשפּילט אין פּויליש אין אַרנאָלד שיפּמאַנס „טעאַטער פּאָלסקי" און אין אַנדערע פּוילישע טעאַטערס. גלײַכצײַטיק אָבער אויך זיך אינטערעסירט מיט ייִדיש, געלייענט, געשריבן און איבערגעזעצט פּיעסעס אויף ייִדיש — דערונטער שעקספּירס „מאַקבעט" — אויסגעאַרבעט אייניקע רעזשי־קאָנצעפּציעס, זיך באַטייליקט אין ליבהאָבער־פאָרשטעלונגען, אין ייִדישע ליטעראַרישע אָוונטן, אין צמחס העברעיִשער ליבהאָבער־גרופּע „הבימה", און געווען איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון „דאָס אַרטיסטישע ווינקעלע" בײַם „הזמיר", מיט וועלכן ער פאָרט אויך אַרויס שפּילן — 1916 — איבער אייניקע שטעט פון פּוילן.

טורקאָוו ווערט דאַן אַנגאַזשירט פון אַברהם יצחק קאַמינסקי, טרעט אויף אין „קאַמינסקי־טעאַטער" אַלס „פראַנץ מאָר" אין שילערס „רויבער" און פאַרבלײַבט שוין זינט דעמאָלט אין דער טרופּע. אין 1917—1918 מאַכט ער מיט, מיט אסתר רחל קאַמינסקי, דעם ערשטן גרויסן טורנע איבער פּוילן — אונטער דער דײַטשעסטרײַכישער אָקופּאַציע —. אין 1918 האָט ער חתונה מיט אידאַ קאַמינסקאַ און באַטייליקט זיך אין אַ טורנע מיט אסתר רחל און אידאַ קאַמינסקאַ איבער וואָלין, אוקראַיִנע, רוסלאַנד און ווײַסרוסלאַנד, ווו ער פירט אויף „צוויי הונדערט טויזנט", מ. יושקעוויטשעס קאָמעדיע, איבערגעזעצט פון אים און אידאַ קאַמינסקאַ. אין 1919 שפּילט ער אַ קורצער צײַט רוסיש אין כאַרקאָוו און קערט זיך ווידער צוריק צו דער ייִדישער בינע. אין 1920 צוריקגעקומען אין וואַרשע, געשפּילט אין דער פּראָווינץ און אין 1921 איבערגענומען די לייטונג פון טעאַטער „צענטראַל" ווו ער האָט אויפגעפירט מאָליערס „דער קאַרגער" און „די ליבע אַלס דאָקטער", אשס „מאָטקע גנב", אַנדרעיעווס „זיבן געהאָנגענע", גאָגאָלס „דער רעוויזאָר", עטינגערס „סערקעלע", מ. מ. ספּרימס „דער פּריזיוו", זשולאַווסקיס „שבתי צבי" און דערנאָך אַן אייגענע באַאַרבעטונג פון גאָלדפאַדענס „די צוויי קוני לעמלס". דעם 19טן אָקטאָבער 1926 האָט ער געגרינדעט אין וואַרשע די טרופּע „וויקט" — וואַרשעווער ייִדישער קונסט טעאַטער — מיט וועלכער ער פירט אויף אין קאַמינסקיס טעאַטער „דאָס צענטע געבאָט" פון גאָלדפאַדען, ראָמען ראָלאַנדס „וועלף" און פיל אַנדערע טעאַטער־פּערל פון דער ייִדישער און פון דער וועלט־ליטעראַטור.

צוליב דער שלעכטער מאַטעריעלער לאַגע פאַרלאָזט טורקאָוו וואַרשע און וואַנדערט אַרום מיט דער טרופּע ביז 1929, איבער פּוילן און רומעניע און גייט אַריבער צום דײַטשן פילם אין בערלין — רעזשי־אַסיסטענט אין „אופאַ" — באַלד דערנאָך קומט ער צוריק צו דער ייִדישער בינע, גאַסטראָלירט אין דער פּוילישער און גאַליציאַנער פּראָווינץ, דערנאָך אין ריגע און אין 1931 אין וואַרשעווער קאַמינסקי טעאַטער. דערנאָך פאָרט ער גאַסטראָלירן אין בעלגיע און פראַנקרײַך. אָנהייב 1932 קומט ער צוריק קיין וואַרשע, ווו דעם 19טן יאַנואַר 1932 ווערט געפײַערט אין קאַמינסקיס־טעאַטער טורקאָווס 15 יאָריקער טעטיקייט אויף דער ייִדישער בינע.

נאָכן טויט פון אסתר רחל קאַמינסקי האָט טורקאָוו צוזאַמען מיט זײַן פרוי געגרינדעט דעם „טעאַטער־מוזיי אויפן נאָמען פון אסתר רחל קאַמינסקי" בײַם ייִדיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע, פאַר וועלכן ער האָט געשאָנקען דעם אַרכיוו פון דער פאַרשטאָרבענער.

צו יענער צײַט קומט טורקאָוו קיין בוענאָס־אײַרעס, פירט אויף אין טעאַטער „אָמבו" עטלעכע אייראָפּעיִשע פּיעסעס, וואָס האָבן איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן אײַנדרוק אויפן ייִדישן טעאַטער־עולם, פאָרט קיין בראַזיל אויף אַ שטיק צײַט, ווו ער העלפט צו מיט זײַן מיזאַמער אַרבעט צו דערהויבן דעם קולטור ניוואָ פונעם בעסערן טעאַטער־גייער. הײַנט געפינט זיך טורקאָוו אין ישראל, ווו ער האָט געשאַפן אַ קאַמער־טעאַטער פון צוויי פּערסאָנאַזשן, ער שפּילט דאָרט ייִדיש און העברעיִש.

ער איז דער מחבר פון צוויי ביכער: „שמועסן וועגן טעאַטער" און „פראַגמענטן פון מײַן לעבן" (אַן אויטאָביאָגראַפיע.)

טורקאָוו יאָנאַס

געבוירן דעם 15טן פעברואַר 1898 אין וואַרשע. די ערשטע בילדונג באַקומען אין דער היים. דערנאָך געלערנט אין וואַרשעווער רעאַל־גימנאַזיע, אין קרינסקיס האַנדלסשול און בינע־קונסט אויף די דראַמאַטישע קורסן פון פּראָפ' ראָזנבוים אין אונגאַריש בראָד — מערן—. אין 1915 צוריקגעקומען אין וואַרשע און געאַרבעט אין אַ פירמע פון כעמישע אויסאַרבעטונגען און דערנאָך אין אַ באַנק. זינט 1915 זיך באַטייליקט אין ליבהאָבער־פאָרשטעלונגען און אין 1916 צוזאַמען מיט זײַן ברודער זיגמונט און ניצבערג אָרגאַניזירט און געשפּילט אין „דעם אַרטיסטישן ווינקעלע". דערנאָך אַ קורצע צײַט בײַ דוויד הערמאַן אין טעאַטער „עליזעום", זיך באַטייליקט אין וואַרשעווער דײַטשן טעאַטער אונטערן נאָמען ערווין טורקוי, אין דײַטשן קאָמעדיע טעאַטער פון די ברידער הערנפעלד. אין די יאָרן 1917—1920 געשפּילט אין אסתר רחל קאַמינסקיס טרופּע, ווו ער נעמט איבער אין 1918 די אַדמיניסטראַטיווע לייטונג. אין 1921 פאַרבליבן אין ווילנע און זיך באַטייליקט אין דאָרטיקן דראַמאַטישן טעאַטער און אין 1921 אָרגאַניזירט אין וואַרשע „דאָס באַוועגלעכע דראַמאַטישע טעאַטער", מיט וועלכן ער מאַכט אַ טורנע איבער פּוילן און גאַליציע און קומט ווידער אין ווילנע. שפּעטער גרינדעט ער אַ וואַנדער־טרופּע „די יונגבינע", אין וועלכער ער איז רעזשיסאָר און ערשטער שוישפּילער. אין 1926 אַנגאַזשירט געוואָרן אַלס דירעקטאָר פון קראָקעווער געזעלשאַפטלעכן ייִדישן טעאַטער, ווו ער שטעלט במשך 1927 אַ ליטעראַרישן רעפּערטואַר און באַקומט צוליב דעם די ערשטע שטאָטישע סובסידיע פאַר ייִדיש

טעאַטער אין פּוילן. אין 1928—1929 אָנגעפירט מיט אַ קליינע טרופּע איבער פּוילן און גאַליציע און אין 1929 געגרינדעט און אָנגעפירט מיטן „וניט” — וואַרשעווער נײַער ייִדישער טעאַטער —. שוין אין 1923 באַטייליקט זיך אין הויפּטראָלן פון די ייִדישע פילמען „תקיעת־כף” און „לאַמעד וואָווניק”. אין 1928 רעזשיסירט און מיטגעשפּילט אין פילמבילדער „אין פּוילישע וועלדער” לויט אַפּאַטאָשוס ראָמאַן. אין 1930 אויפגעפירט אין לובלינער שטאָטישן טעאַטער מאַרק אַרנשטיינס פּוילישע איבערזעצונג פון יעקב גאָרדינס „מירעלע אפרת”. אין 1932 געשפּילט אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין — קאַמער־בינע —, דערנאָך אין ווילנער „אונדזער טעאַטער”, אין 1933 איבערגענומען דאָס ווילנער ייִדישע טעאַטער, צו דער זעלבער צײַט אָנגעפירט מיט דער ווילנער ייִדישער דראַמאַטישער שול בײַ דער ווילנער ייִדישער טעאַטער־געזעלשאַפט.

יאָנאַס טורקאָוו האָט אָנגעשריבן אייניקע קאָמעדיעס און איינאַקטערס און איבערגעזעצט פיל פּיעסעס. ער האָט פאַרעפנטלעכט פיל אַרטיקלען וועגן טעאַטער און פילם בכלל און וועגן ייִדישן בפרט, ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור „וועגווײַזער פאַר דראַמאַטישע קרײַזן”.

די גאַנצע צײַט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אין וואַרשעווער געטאָ. געווען איינער פון די אָרגאַניזירערס און פירערס פון דער זעלבסט־הילף אָרגאַניזאַציע, מיטגעאַרבעט מיטן אונטערערד, איבערגעלעבט מיט זײַן פאַמיליע דעם גאַנצן נאַצי־שווידער, וועלכן ער האָט געשילדערט אין זײַנע צוויי ביכער „אַזוי איז עס געווען . . .” און „אין קאַמף פאַרן לעבן” — האָט אויך אָנגעשריבן „פאַרלאָשענע שטערנס”, צוויי בענד וועגן די אומגעקומענע ייִדישע אַקטיאָרן אונטער דער נאַצי־הערשאַפט — אַרויסגעגעבן פונעם פאַרלאַג „דאָס פּוילישע ייִדנטום”, בוענאָס־איירעס — געפינט זיך הײַנט אין נ' אַמעריקע און שפּילט ווײַטער טעאַטער.

טייטעלבוים אברהם

געבוירן דעם 1טן מאַרץ 1889 אין וואַרשע, בײַ חסידישע, נישט פאַרמעגלעכע עלטערן, וועלכע האָבן געהאַט אַ רעסטאָראַן, וווּ ייִדישע אַקטיאָרן פלעגן פון צײַט צו צײַט מאַכן פּראָבעס. ביז 16 יאָר געלערנט אין חדרים און ישיבות, נאָך דעם פּריוואַט וועלטלעכע לימודים.

באַזוכנדיק אַ מאָל אַ פּויליש טעאַטער, ווערט ער אַזוי פאַרכאַפּט פון דער פאָרשטעלונג, אַז ער ווערט באַלד אַ באַגײַסטערטער אָנהענגער פון טעאַטער און אַקטיאָרן. ווען י. ל. פּרץ און ד”ר גרשון לעווין אָרגאַניזירן דעם „הזמיר” אין וואַרשע, טרעט טייטעלבוים אַרײַן אין כאָר, און דערנאָך אין דער דראַמאַטישער סעקציע בײַם „הזמיר” אונטער דער רעזשי פון מאַרק אַרנשטיין און י. ל. פּרץ. אין 1907 טרעט ער אַרײַן אַלס סופלאָר אין סעם אַדלערס טרופּע, אין 1908 הייבט ער אָן שפּילן אין דער טרופּע קרויזע־ספּיוואַקאָווסקי, אין 1909 אין בראָנשטיינס טרופּע, דערנאָך בײַ סאַבסײַ, קאַמינסקיס „פּאַראייניקטע טרופּע” און בײַ גנעפּערן. שפּעטער פאָרט ער קיין פּאַריז, לאָנדאָן, בוענאָס־איירעס, וווּ ער שפּילט אין פאַרשידענע טרופּעס. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה שפּילט ער מיט מאָשקאָוויטשן אין לאָנדאָן. אין 1918 פאָרט ער קיין מאָסקווע, וווּ ער ווערט דער פירער פון אַ דראַמאַטישע סטודיע בײַ דער פּרץ־געזעלשאַפט, און שפּעטער דער רעזשיסאָר פון דער ייִדישער דראַמגעזעלשאַפט אין מינסק. פון דאַנען ווערט ער פאַרבעטן אין ערשטן ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין ווילנע. ווען די פּאָליאַקן פאַרנעמען ווילנע, טרעט ער אַרײַן אין דער „ווילנער טרופּע” און שפּילט מיט איר אין פּוילן, אין 1919 ווערט ער פאַרבעטן פון שוואַרצן קיין נ' אַמעריקע. אין ניו־יאָרק, טשיקאַגאָ און פילאַדעלפיע שפּילט ער ביז סוף 1927.

ער איז איינער פון די לערער פון דער „פרײַער דראַמאַטישער סטודיע” און פירער פון „קונסט־רינג”. אין 1928—1929 גאַסטראָלירט ער אין פּוילן. אַלס אַמעריקאַנער בירגער פאַלט ער אונטער דער גזרה וועלכע האָט פאַרבאָטן אויסלענדישע אַקטיאָרן צו שפּילן אין פּוילן. טייטעלבוים איז געצוווּנגען צו פאַרלאָזן פּוילן, פאָרט קיין בעלגיע, נ' אַמעריקע און ישראל. קומט צוריק קיין נ' אַמעריקע, וווּ ער איז געשטאָרבן.

טייטעלבוים האָט איבערגעזעצט אַ סך פּיעסעס. סטרינדבערגס „דער פאָטער”, דעלאַווינס „לודוויק דער עלפטער”, אַנרי בערנשטיינס „שמשון”, לינדויס „פּראָקוראָר האַלערס”, ניעמיראָוויטש־דאַנטשענקאָס „דער פּרײַז פון לעבן”, אָניעלס „די תאווה אונטער די אולעמביימער” און פיל אַנדערע. ער איז אויך געווען טעטיק אַלס טעאַטער־שרײַבער און פאַרעפנטלעכט פיל פּובליציסטישע און טעאָרעטישע אַרטיקלען. באַזונדערס ווערטפול איז זײַן בוך „וויליאַם שעקספּיר” און זײַן אויטאָביאָגראַפיע אונטערן נאָמען „וואַרשעווער הייף”.

טיטעלמאַן מרדכי חיים

געבוירן אין יאָר 1872 אין וואַרשע. ביי עלטערן־סוחרים, געלערנט אין דער יוגנט אין דער ישיבה און בסוד למודי־חוץ. די עלטערן גיבן אים אַריין אין אַ לעדער־געשעפט. דאָרט באַקענט ער זיך מיטן אַקטיאָר גאָטפריד, וועלכער נעמט אים מיט אין דעמאָלטיקן ייִדישן טעאַטער „עלדאָראַדאָ” און טיטעלמאַן דערפילט אַ שטאַרקן חשק צו פּרוּוון זײַן טאַלאַנט אויף די בינע־ברעטער. טיטעלמאַן בלײַבט בײַ דער בינע און באַקומט באַלד אַ נאָמען אַלס פאַרשטענדיקער און גוטער שוישפּילער, אַ קורצע צײַט נאָך דעם ווערט ער רעזשיסאָר און אָרגאַניזירט אייגענע טרופּעס, מיט וועלכע ער פאָרט אַרום איבער רוסלאַנד, וווּ ער דערוואָרבט זיך אַ גרויסן נאָמען.

אין 1907 טרעט ער אַרײַן אַלס ערשטער אַרטיסט און רעזשיסירט אין נײַ־געגרינדעטן לאָדזשער גרויסן טעאַטער פון זאַנדבערג. אייניקע יאָר שפּעטער גרינדעט ער אין לאָדזש אַ „פּאַראייניקטע טרופּע”, מיט וועלכע ער פירט אויף ערנסטע דראַמעס. טיטעלמאַן ווערט דער מחנך פון אַ דור יונגע ייִדישע אַקטיאָרן. אָבער די פאַרשידענע גלגולים, וועלכע אַ ייִדישער אַקטיאָר מוז אין יענער צײַט מיטמאַכן, ווירקן שטאַרק אויף זײַן געזונט־צושטאַנד; זײַן שטים פאַרלירט איר גלאַנץ, שפּעטער באַקומט ער אַ פּאַראַליז, און פון אַ טעטיקן שוישפּילער ווערט טיטעלמאַן אַ טעאַטער־מבין. אַ ייִד אַ פּקח, געפינט ער שטענדיק אַ ווערטל אָפּצולאַכן פון אַ דורכפאַל און אויסדרוקן עפּעס אָריגינעלס וועגן אַ געלונגענע פאָרשטעלונג.

דעם 18טן מאַי 1921 איז טיטעלמאַן געשטאָרבן אין לאָדזש.

טשיזשיק לאה

געבוירן בערך אין 1857 אין וואַרשע. אַ טאָכטער פון בונעם בדחן, אַרומגעפאָרן מיטן פאָטער און דערנאָך אַרײַנגענומען געוואָרן אינעם כאָר פון ייִדישן טעאַטער, געשפּילט מיט יעקב פּ. אַדלער אין לאָנדאָן. בעתן שפּילן באַקומען אַ בלוטשטורץ און געווען געצוווּנגען זיך צוריקצוציִען פון דער בינע. לאה טשיזשיק האָט זיך געפונען אין אַ מושב־זקנים אין לאָנדאָן.

טשיזשיק יוסף

געבוירן בערך אין 1865 אין וואַרשע, זײַן פּאָטער איז דער באַרימטער בונעם בדחן. אין עלטער פון 9 יאָר אָפּגעגעבן געוואָרן צו אַ בײַטל־מאַכער. אַרום 1882 זינגט ער אַ קורצע צײַט בײַ „די בראָדער זינגער” אין וואַרשע. אין 1889 געקומען אין לאָנדאָן, געשפּילט אין פאַרשידענע קלובן ייִדיש־טעאַטער, דערנאָך אין פּאַריז, בערלין, בעלגיע. זיך אויסגעצייכנט אַלס „קוני־לעמל”, „די באָבע יאַכנע” און אין אַנדערע קאָמישע פרויען־ראָלן.

זינט 1915 האָט ער זיך פאַרנומען מיט שוואַרצקינסטלערײַ אין לאָנדאָן.

טשיזשיק משה

זון פון בונעם בדחן, אַרומגעפאָרן מיט זײַן פּאָטער, דערנאָך אַליין געווען אַ בדחן, געדינט אַ קורצע צײַט בײַם מיליטער אין נאַרוואַ, און נאָכן באַפרײַט ווערן אַרײַנגעטראָטן אַלס כאָרזינגער אין דאָרטיקן רוסישן טעאַטער. נאָך אַלס קינד געשפּילט וויאָלין, שטודירט דערנאָך אין קאָנסערוואַטאָריע, טרעט אָבער באַלד אַרײַן אין דער ייִדישער טעאַטער־טרופּע פון קאַהאַן אין וואַרשע, וועלכע שפּילט אין טעאַטער „אַרקאַדיאַ” גאָלדפאַדענס „באָבע יאַכנע”, און „קוני־לעמל”, אָבער נאָך 9 פאָרשטעלונגען האָט די טרופּע געמוזט אויפהערן צו שפּילן צוליב די פּראָטעסטן פונעם פּובליקום, אַז מען לאַכט אָפּ אין די פּיעסעס פון ייִדן.

משה טשיזשיק פאָרט דאַן קיין מאָסקווע, וווּ ער טרעט אַרײַן אין אָרקעסטער פון דער קייזערלעכער אָפּערע, און ווערט מיט אייניקע יאָר שפּעטער דיריגענט, אונטערן נאָמען טשיזשיקאָוו. צוליב אַ מסירה איז טשיזשיק געווען געצוווּנגען זיך צו שמדן.

טשיזשיק עמנואל

געבוירן דעם 26טן דעצעמבער 1867 אין וואַרשע. אַ זון פון בונעם בדחן. געלערנט אין לאָדזש אין חדרים און בײַ ייִדישע לערערס — דײַטש, רוסיש און פּויליש.

ווען זײַן פּאָטער לאָזט זיך אַרויס איבער דער מדינה, גיט ער אים אַרײַן צו אַ פעלדשער אויף דער לער אַלס פריזירער, נאָך אַ יאָר פאָרט ער צו זײַן מוטער קיין וואַרשע, וווּ ער אַרבעט אַלס פריזירער, שפּעטער אַלס בייטל־מאַכער. ווען זײַן פּאָטער קומט צוריק פון רוסלאַנד און פאָרט איבער די קליינע שטעטלעך פון פּוילן, נעמט ער אים מיט צו זינגען לידלעך. פון פּוילן פאָרן זיי קיין גאַליציע, וווּ זיי וואַנדערן אַלס בדחנים און „פריילעכמאַכער”. נאָך אַ קורצער צײַט ווערט ער אַ זעלבשטענדיקער בדחן אין זשעלעכאָוו. ווען אין טאָמאַשאָוו פעלט אויס אין דער טרופּע פישזאָן־געליס אַ ראָליסט פאַר „ברײַנדעלע קאָזאַק”, טרעט טשיזשיק אַרײַן אַלס אַקטיאָר. דערנאָך גייט ער איבער אין דער טרופּע פון א. י. קאַמינסקי און וואַנדערט איבער שטעט און שטעטלעך פון פּוילן. ווען מען פאַרווערט צו שפּילן ייִדיש טעאַטער, ווערט ער ווידער אַ בדחן. שפּעטער ווערט ער אַרויסגערופן קיין לאָנדאָן פון זײַן ברודער יאָסל, אָבער נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייטן דאָרט צו שפּילן, האַנדלט ער 6 יאָר מיט פּאַפּיראָסן. פון לאָנדאָן קומט ער קיין פּאַריז, וווּ ער שפּילט מיט פאַני וואַדיאַ עפּשטיין. ער הייבט אָן צו פאַרפאַסן לידלעך אויף באַקאַנטע מאָטיוון, וואָס צייכענען זיך אויס מיט דער פאָלקסטימלעכקייט פון אַמאָליקע בדחנים. טשיזשיק האָט אויך באַאַרבעט פּרצעס „מאָניש” אין אַ פּיראַקטיקע פּיעסע.

טאַנצמאַן אַברהם יצחק

געבוירן דעם 12טן נאָוועמבער 1857 אין וואַרשע. דער פּאָטער איז געווען אַ סוחר און הענטשקע פאַבריקאַנט. געלערנט אין חדר, בײַ פּריוואַטע מלמדים און דערנאָך אין ישיבה, שפּעטער געלערנט למדי־חוץ בײַ לערערס. אין 1877 ווערט טאַנצמאַן מיטגענומען דורך זײַן פּאָטערס אַרבעטער, דעם שפּעטער באַקאַנטן אַקטיאָר שליפּערשטיין, אויף פּרוּוון צו „ליבהאָבערס”, ביי וועלכע טאַנצמאַן ווערט בסוד אַ סופלאָר און פאָרט איבער דער פּראָווינץ. שפּעטער טרעט ער אַרײַן אין בריסק אַלס סופלאָר אין גראָדנערס טרופּע, וועלכע צעפאַלט זיך אָבער, און טאַנצמאַן קומט צוריק קיין וואַרשע. אין 1879 טרעט ער דאָס ערשטע מאָל אַרויס אין זאַמאָשטש אין דער ראָל פון שמרס „בעל־תשובה” און באַנוצט אַלס פּראָטאָטיפּ פאַר זײַן ראָל אַ שטאָטישן גאַסנזינגער, דערבײַ זינגט ער דעם גאַסנזינגערס לידל און ווערט באַלד פון זײַן ערשטן אויפטריט באַליבט אַלס כאַראַקטער־קאָמיקער.

אין אָנהייב פון 1880 יאָר קומט זײַן טרופּע קיין וואַרשע און הייבט אָן שפּילן אין „עלדאָראַדאָ”. טאַנצמאַן פירט אויף צום ערשטן מאָל „שולמית” וואָס ווערט געשפּילט כסדר 125 מאָל בײַ אויספאַרקויפטע הײַזער.

טאַנצמאַן האָט דאַן אַ באַזונדערן דערפאָלג אין שמרס פּיעסעס „דער טרייפניאַק” און אין „קאַטאָרזשניק, אָדער דער ישיבה־בחור”. שפּעטער אין גאָלדפאַדענס „בר כוכבא”, אַלס פּאַפּוס — אין „אחשורוש” וואָס גאָלדפאַדען פירט אַלײַן אויף אין וואַרשע. אין 1885 פאָרט טאַנצמאַן מיט גאָלדפאַדענען קיין לאָדזש, דערנאָך שפּילן זיי ווידער ביז 1887 אין וואַרשע. אָבער באַלד דערנאָך ווערט פאַרווערט צו שפּילן ייִדיש טעאַטער אין וואַרשע. טאַנצמאַן פאָרט דאַן אַרום איבער דער פּוילישער און רוסישער פּראָווינץ, קומט ווידער צוריק אין וואַרשע, וווּ ער באַקומט די דערלויבעניש צו שפּילן „ייִדיש־דײַטש־טעאַטער” מיטן באַדינג אַז 3 נעכט פון דער וואָך זאָל די הכנסה גיין פאַרן רוסישן רויטן קרייץ, אָבער ערב דער ערשטער פאָרשטעלונג קומט אָן אַ פאַרבאָט פון גובערנאַטאָר, און טאַנצמאַן פאָרט אַוועק שפּילן אין גימפּלס טעאַטער אין לעמבערג. אין 1889 פאָרט טאַנצמאַן מיט דער פרוי אַוועק קיין נאָרד־אַמעריקע, וווּ ער באַקומט באַלד אַ נאָמען בײַם טעאַטער־עולם. נאָך אַ פאַמיליען טראַגעדיע שטאַרבט טאַנצמאַן דעם 13טן נאָוועמבער 1906 אין ניו יאָרק.

טאַנצמאַן האָט פאַרפאַסט די פּיעסעס „שמשון הגיבור”, „קאַפּיטאַן דרײַפוס”, און פיל איינאַקטערס.

טאַרלאָ הענרי

געבוירן דעם 5טן פעברואַר 1898 אין וואַרשע. דער פּאָטער איז געווען אַ גאַרבער. ביז 16 יאָר געלערנט אין פּראַגער מענערגימנאַזיע, זיך קיין מאָל נישט באַטייליקט אין די דאָרטיקע שילערפאָרשטעלונגען. אין 1916 — דורך דער חברשאַפט מיט נאָרוויד און שידלאָ איז ער אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין קרײַז פון ליבהאָבערס און געשפּילט אויף פּויליש אין ליבהאָבער־קרײַז פון שידלאָ.

דערנאָך טרעט טאַרלאָ אַרײַן אין „אַרטיסטישן ווינקעלע” בײַם וואַרשעווער „הזמיר”, וווּ ער דעביוטירט אין דער הויפּטראָל אַלס „מענדל” אין פּרץ הירשביינס „די נבלה”, נעמט לעקציעס פון דראַמאַטישער קונסט בײַם פּוילישן אַקטיאָר און רעזשיסאָר אַלעקסאַנדער זעלוועראָוויטש. ער ווערט פאַרבעטן אין דער „ווילנער טרופּע”, וווּ ער שפּילט די ערשטע צײַט עפּיזאָדן־ראָלע. נאָכן ענדיקן

דאָס פּוילישע מיליטערדינסט פאָרט ער קיין בערלין, ווּ ער אַרבעט אין דער בערלינער „פאָלקסבינע" אַלס געהילף־רעזשיסאָר. אין 1923 קומט ער צוריק קיין פּוילן, נעמט אָנטייל אינעם פילם „תקיעת כף", טרעט צוריק אַרײַן אין דער „ווילנער טרופּע", מיט וועלכער ער פאָרט קיין רומעניע. אין 1926 גיט ער זיך אָפּ אויסשליסלעך מיט רעזשיסאָרישער אַרבעט. נאָכן שפּילן 6 חדשים אין פראַנקרײַך פאָרט טאַרלאָ אין 1927 קיין ראַטן־פאַרבאַנד, און אין אַפּריל פון זעלבן יאָר טרעט ער אַרײַן אין כאַרקאָווער יִדישן מלוכה־טעאַטער, ווּ ער שפּילט די טיטל־ראָלע פון „שבתי צבי" און די ראָל פון „פּאַן וואָל" אין קושניראָווס „הירש לעקערט". אין 1929 געוואָרן רעזשיסאָר־לאַבאָראַנט פון זעלביקן טעאַטער.

טרייסטמאַן נתן־נחמיה

געבוירן אין יאָר 1896 אין וואַרשע. דער פאָטער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער. ביז 8 יאָר געלערנט אין תלמוד־תורה. צוליב דער שווערער מאַטעריעלער לאַגע אין שטוב געגאַנגען אַרבעטן צו שאַכטלען פון פּאַפּיראָסן, שפּעטער אַלס שיקײַנגל אין אַ שנײַדער־געשעפט, אָפט באַזוכט דאָס יִדישע טעאַטער און אַרײַנגעטראָטן אין אַ „קינדער־טרופּע". אין 1912 איז ער אַרײַן אין דראַמאַטישן קרײַז פון „הזמיר", אַרבעטנדיק ווײַטער בײַ שנײַדערײַ. געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר און ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה אַרומגעוואַנדערט מיט אַ טרופּע אין קאָוונער געגנט. צוריקגעקומען קיין וואַרשע, איז טרייסטמאַן, צוליבן פאַרבאָט אויף יִדיש טעאַטער, אַרויסגעטראָטן מיט מעלאָדעקלאַמאַציעס, מאָנאָלאָגן און סקעטשן אויף כלומרשטע „טאַנצאָ:נטן", וועלכע זענען פּאַקטיש געווען טעאַטער־אונטערנעמונגען. שפּעטער אַרײַנגעטראָטן אין הערמאַנס דראַמאַטישער סטודיע, בײַ דער דײַטשער אָקופּאַציע, ווען ס'איז ווידער דערלויבט געוואָרן צו שפּילן יִדיש, איז ער אַנגאַזשירט געוואָרן אין קאַמינסקיס טרופּע. אין 1917 מיטגעפאָרן מיט אַ. ר. קאַמינסקיס טרופּע, דערנאָך אין כאַרקאָווער טעאַטער „קונסט־ווינקל". אין 1923 אין שלום עליכמס טעאַטער אין מאָסקווע. דערנאָך צוריק אין „קונסט־ווינקל". אין 1929 אין „ווײַסרוסישן יִדישן מלוכה־טעאַטער".

טרילינג מאַניע

געבוירן בערך אין 1875 אין וואַרשע, בײַ אַ פאָטער אַ באַנדער, געאַרבעט אַלס הוט־פּוצערין און דורך דער באַקאַנטשאַפט מיטן אַקטיאָר הערמאַן בערמאַן צוגעצויגן געוואָרן אין 1892 צום יִדישן טעאַטער, אין אָנפאַנג אַלס זינגערין, שפּעטער אויך פאַר מעלאָדראַמאַטישע ראָלן.

טרילינג האָט צוזאַמען מיט איר מאַן הערמאַן בערמאַן זיך באַטייליקט אין די אָנגעזעענסטע יִדישע טרופּעס פון רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, פראַנקרײַך און ענגלאַנד. געווען פיל יאָר פאַרבונדן מיט דער קאַמינסקי־טרופּע, געווען פאַרגעטערט פון אונדזערע עלטערן אַלס „מירעלע אפרת", „מאַדעאַ, ראַניע די פּאַטשערקע" — אין „די שבועה" — אין „פערעניו" — „גאָט, מענטש און טייוול" — די טרילינג איז געשטאָרבן דעם 25טן אַפּריל 1920 אין יעקאַטערינאָסלאַוו.

לאַמפּע מאָריס

געבוירן אין 1895 אין וואַרשע, בײַ חסידיש־פאַרמעגלעכע עלטערן. געלערנט אין חדר, צו 13 יאָר געענדיקט די פאָלקסשול. באַלד נאָך די ערשטע באַזוכן אין פּוילישן און אין יִדישן טעאַטער, געוואָרן פאַרכאַפּט פון טעאַטער־שפּיל, און געוואָרן אַן אַרײַנגייער הינטער די קוליסן פון יִדישן טעאַטער. אַלס אַקטיאָר וואַנדערט ער אַרום מיט פאַרשידענע טרופּעס איבער דער פּוילישער פּראָווינץ. אין 1918 פאָרט ער אַוועק קיין ראַטן־פאַרבאַנד, ווּ ער שפּילט אין פאַרשידענע טעאַטערס אין פאַרשידענע שטעט, ביז ער ווערט פאַרביטן אַלס קינסטלערישער אָנפירער פון אַ דראַמסטודיע אין וויטעבסק. נאָך דעם ווערט ער אָנפירער פון אַ טרופּע אין אָדעס, פון דאָרט פאָרט ער קיין קיִעוו, ווּ ער שפּילט מיט אַ טייל פון דער טרופּע פון „קונסט־ווינקל". דערנאָך געפאָרן קיין פּאַריז, בעלגיע, פּוילן, רומעניע, עסטרײַך און אין 1932 איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע. לאַמפּע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן ערנסטע באַציִונג און געשמאַק צום בעסערן יִדישן טעאַטער, איבערהויפּט פלעגט ער אויפפירן שלום־עליכמס רעפּערטואַר. בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע האָט ער זיך געפונען אין ווילנע, ווּ ער האָט געשפּילט טעאַטער אין געטאָ און דאָרט אומגעקומען.

לאַנדוי — קלעקוי שמואל

געבוירן דעם 9טן אויגוסט אין וולאָצלאַוועק, בײַ עלטערן סוחרים. געענדיקט פּראָגימנאַזיע און נאָך אַלס שילער געשפּילט פּויליש מיט ליבהאָבער. אין 1900 אונטערן פּסעוודאָנים „סטאַלסקי" איז ער אַרײַנגעטראָטן אין אַ פּוילישער אָפּערעטן־טרופּע אין לאָדזש. שפּעטער אַריבער שפּילן אויף דײַטש אין דאָרטיקן טעאַטער, און דערנאָך אין גרובינסקיס אָפּערעטעס־דראַמאַטישע טרופּע אין וואַרשע. אין 1905 געשפּילט אין טעאַטער „לודאָווי" און נאָך דעם אין דער פּוילישער אָפּערע, ווּ ער האָט געזונגען אייניקע הויפּטראָלן. דערנאָך גייט לאַנדוי איבער צום יִדישן טעאַטער „נאָווי", אויף קראָלעווסקע־גאַס. זינט דאַן שפּילט ער מיט געוויסע הפסקות אויף דער יִדישער בינע אין די אָנגעזעענסטע טרופּעס. לאַנדוי האָט אויך שטודירט רעזשי און טעאַטער־קונסט, האָט אויך איבערגעזעצט אייניקע פּיעסעס אין יִדיש, וואָס זענען געשפּילט געוואָרן אין פּוילן. בעת דער נאַצישער אינוואַזיע ראַטעוועט ער זיך צוזאַמען מיט אַנדערע אַקטיאָרן אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווּ ער שפּילט צולעצט אין ביאַליסטאָקער יִדישן מלוכה־טעאַטער, אין וועלכן ער שפּילט אַן אָנפירנדיקע ראָלע. דעם 7טן דעצעמבער 1940, בעת ס'ווערט אויפגעפירט די פּרעמיערע פון שעקספּירס „שטורעם" מיט לאַנדוי אין דער הויפּטראָל, באַקומט ער אַן האַרצאַטאַק בײַם סוף פונעם ערשטן אַקט און פאַרענדיקט זײַן לעבן אויף דער בינע.

לאַנצמאַן זקן זרח — פּלטיאל

געבוירן אין יאָר 1866 אין וואַרשע, בײַ אַ פאָטער אַ רײַזנדער פון אַ האָלצפירמע. געלערנט אין חדרים און אין אַ פּוילישער שול. באַזיצנדיק אַ שיינע שטים און אַ נייגונג צו נגינה, איז ער געוואָרן אַ זינגער אויף בריתן און חתנות און דערנאָך אַ יִדישער פאָלקסזינגער. שפּעטער אַרײַנגעטראָטן אַלס זינגער און טענצער אין אַן אוקראַיִנישער טרופּע און פון דאָרט איבערגעגאַנגען אין יִדישן טעאַטער. אין 1905 איז ער אַרויסגעטראָטן אין כאַראַקטער־ראָלן אין ספּיוואַקאָווסקיס און סעם אַדלערס טרופּע אין פּעטערבורג און נאָך דעם אין וואַרשע. שפּעטער בײַ קאַמינסקין און בײַ זאַנדבערגן אין לאָדזש. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה זיך באַזעצט אין רוסלאַנד, ווּ ער טרעט זעלטן אַרויס אויף דער בינע, זײַענדיק אַ געוויסע צײַט דירעקטאָר פון אַ יִדישע טרופּע אין אירקוטסק (סיביר).

לאַסקאָווסקי פיליפּ

געבוירן דעם 17טן יולי 1889 אין וואַרשע. דער פאָטער איז געווען אַ ראַדזימינער חסיד, אַ וואַלד־סוחר. געלערנט בײַ מלמדים און לערער אין דער היים און אַלס יִינגל געזונגען בײַ אַ חזן. לאַסקאָווסקים ברודער — אַ מוזיק־פּראָפעסאָר — נעמט אים אונטער זײַן השגחה און לערנט אים שפּילן מיטן פלאַן אים צוצוגרייטן פאַר אַ מיליטערישן קאַפּעלמײַסטער, און צוליב פּראַקטיק גיט ער אים די מעגלעכקייט, אין עלטער פון 13 יאָר, אײַנצושטודירן די אָפּערעטע „בוסתנאי” בײַ א. י. קאַמינסקי. דערנאָך שפּילט ער מיט שטראָספּאָגלען אַלס אַקטיאָר, ביז צום אויסבראָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה פאָרט ער אַרום מיט פאַרשידענע יִידישע טרופּעס איבער פּוילן און רוסלאַנד.

בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע, ווען עס ווערט אָרגאַניזירט דאָס טעאַטער „צענטראַל”, טרעט ער אַרײַן אַלס אַקטיאָר און באַטייליקט זיך אַלס כאַראַקטער־קאָמיקער אין דעמאָלט אויפגעפירטע אייראָפּעיִשע אָפּערעטעס, אין יענער צײַט פאַרפאַסט ער מוזיק צו נאָזשיקס אָפּערעטע „דוואָשע די סופּראַזשיסטקע”, „דער שטרויענער אַלמן”, „די וואַרשעווער יוגנט”.

צוליב מיליטער־סיבות פאַרלאָזט ער אין 1921 פּוילן און פאָרט קיין נ׳ אַמעריקע, וווּ ער ציט זיך צוריק פון שפּילן אויף דער בינע און גיט זיך אָפּ מיט דיריזשירן אין יִידישן טעאַטער און שרײַבן קאָמפּאָזיציעס צו די לידער אין די אויפגעפירטע מעלאָדראַמעס און אָפּערעטעס.

לאַסקי מאַקס

געבוירן אין יאָר 1895 אין וואַרשע, דער פאָטער אַ שמש. געלערנט אין חדר. אַלס קינד מיטגעשפּילט אין דער „קינדער־טרופּע” אין מוראַנאָווער טעאַטער.

אין 1907 געקומען קיין נ׳ אַמעריקע, געלערנט אין אַן אָוונטשול און געוואָרן אַ שטובמאַלער. צוליב נײַגונג צו דער בינע געוואָרן אַ מיטגרינדער פון דעם „היברו דראַמאַטיק קלאָב”, געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר און אַרומגעפאָרן איבער דער פּראָווינץ. שפּעטער געוואָרן אַ מיטגרינדער פון דער „אייראָפּעיִשע קאָאָפּעראַטיווע יִידישער טרופּע”, מיט וועלכע ער האָט געשפּילט אין פאַרשידענע טעאַטערס.

לאַקס אברהם

געבוירן דעם 16טן אויגוסט 1899 אין וואַרשע. דער פאָטער אַ העברעיִשער לערער. געלערנט אין חדר און געענדיקט אַ 4 קלאַסיקע שטאָטישע שול. ביז 15 יאָר געזונגען אין נאָזשיקס שיל. צוליב מאַטעריעלע סיבות אַרײַנגעטראָטן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה אַלס קופּלעטיסט אין די וואָדעוויל הײַזער און פון דאָרט אַנגאַזשירט געוואָרן אין דער לובלינער יִידישער טרופּע פון שלמה הערשקאָוויטש. אין 1922 אַוועקגעפאָרן קיין נ׳ אַמעריקע, וווּ ער שפּילט אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר.

לאַוי דוויד

געבוירן דעם 17טן סעפּטעמבער 1887 אין וואַרשע, בײַ עלטערן הויזבאַזיצערס. געלערנט אין חדר, אין מײַזלערס שול און מיטגעמאַכט אַ קורס אין וואַוועלבערגס פּאָליטעכניקום. נאָך אין דער שול זיך באַטייליקט אין פּוילישע און רוסישע שול־פאָרשטעלונגען. אַלס מיטגליד פון דער יִידישער סעקציע פון דער פּפּ״ס געפירט אַ שטרײַק קעגן אַ לערער און שפּעטער, צוליב פּאָליטישע סיבות, געווען אַרעסטירט אָנדערהאַלבן יאָר אין פּאַוויאַק. נאָך דער באַפרײַונג אַוועק קיין בערלין, וווּ ער באַקענט זיך מיט יִידישע ליבהאָבער און הייבט אָן מיט זיי צו שפּילן יִידיש טעאַטער. צוריקגעקומען אומלעגאַל קיין פּוילן, פירט ער אָן אַ שטרײַק אין יִידישן טעאַטער, קומט אַזוי אַרום אין קאָנטאַקט מיטן יִידישן אַקטיאָר, און נאָכן שפּילן אַ קורצע צײַט מיט ליבהאָבער טרעט ער אַרײַן אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין קאָמפּאַניעצעס טרופּע, נאָך דעם צו קאַמינסקין, שפּילט 13 יאָר מיט אסתר רחל קאַמינסקי אין איר גאַנצן רעפּערטואַר, איבער פּוילן און רוסלאַנד. נאָך אסתר רחלס טויט אין לאַוי אַרומגעפאָרן מיט דער טרופּע פון אידאַ קאַמינסקאַ־זיגמונט טורקאָוו. לאַוי האָט זיך אויך באַטייליקט אין פילם „לאַמעד וואָוו” (רעזשי — יאָנאַס טורקאָוו). בעת אַן אויסזידלונג־אַקציע אינעם וואַרשעווער געטאָ איז ער געשיקט געוואָרן אויף אומקום קיין טרעבלינקע.

לומעט ברוך

געבוירן דעם 22טן מײַ 1898 אין וואַרשע, בײַ אַ פאָטער אַ חזן אין אַ קליין שילעכל, וווּ לומעט איז משורר. נאָכן פאָטערס טויט געזונגען אַלס קינדער־קופּלעטיסט אין פאַרשידענע פּוילישע וואָדעוויל־הײַזער און דערנאָך אַרײַנגעטראָטן אין אַ דראַמאַטישער סעקציע אונטער דער רעזשי פון דוויד הערמאַן, וועלכער פאַראינטערעסירט זיך מיט אים און לערנט אים די דראַמאַטישע קונסט. אין דער זעלבער צײַט לערנט ער טעאָריע פון מוזיק, דערנאָך שפּילט ער אין דער דראַמאַטישער סטודיע פון דוויד הערמאַן. אין 1920 איז ער אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע, געשפּילט אַ קורצע צײַט אין ניו־יאָרקער יִידישן קונסט־טעאַטער, אין 1928—1929 אָנגעפירט מיט אַ דראַמסטודיע אין פילאַדעלפיע. זינט דעמאָלט האָט לומעט פון צײַט צו צײַט אײַנגעאָרדנט דראַמאַטישע אָוונטן, בײַ וועלכע ער פירט אַליין אויס ס׳רוב אייגענע דראַמאַטיזירונגען מיט אייגענע מוזיק — „דער משוגענער בטלן”, „שיר־השירים”, ערשטער אַקט פון „די גאָלדענע קייט”, „בײַם פרעמדן חופּה־קלייד”, „דער רויטער פאָדעם”, אַ סאָציאַלע פּאָעמע פון די ווערק פון מ. ווינטשעווסקי, מ. ראָזנפעלד, ד. עדעלשטאַט, א. רײַזען און אַנדערע, אַלעקסאַנדער בלאָקס „די צוועלף”, „פּישקע דער קרומער”, „מנחם מענדל” — אין 1930—1931 געשפּילט אין יִידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אייניקע קינדער־פּיעסעס. אין 1932 איז דערשינען לומעטס אַ טייל פּיעסעס אין אַ בוך „טעאַטער פאַר קינדער”.

ליפּינסקי יצחק

געבוירן דעם 4טן יולי 1893 אין וואַרשע. דער פאָטער — אַ סוחר. געלערנט אין חדר און אין רעאַל־שול. אַלס קינד געזונגען בײַם חזן שערמאַן, און אין עלטער פון 10 יאָר געשפּילט אויף פּויליש אין דער שול. אַלס 12־יעריקער מיטגעשפּילט אין דער יִידישער קינדער־טרופּע אין „מוראַנאָווער” יִידישן טעאַטער און באַלד דערנאָך אַרויסגעפאָרן מיט דער קינדער־טרופּע, וועלכע איז געשטאַנען אונטער דער דירעקציע און רעזשי פון גוסטאַוו שוואַרצבאַרד. אַלס דערוואַקסענער געשפּילט אין פאַרשידענע טרופּעס איבער פּוילן און רוסלאַנד, צווישן זיי אין קאַמינסקיס טעאַטער און אין „צענטראַל”. אין 1920 געפאָרן קיין נ׳ אַמעריקע, געשפּילט אין מערערע טרופּעס אין ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע א״אַ.

ליאָוו לעאָ

געבוירן דעם 15טן יאַנואַר 1878 אין וואָלקאָוויסק, גראָדנער גובערניע, בײַ עלטערן סוחרים. באַקומען אַ שטרענג רעליגיעזע דערציִונג. שוין צו 8 יאָר אַרויסגעוויזן נייגונג צו מוזיק. צו 12 יאָר געדאַוונט פאַרן עמוד אַלס „וווּנדערקינד”, און צו 15 יאָר דיריגירט מיט אַ גרויסן כאָר אין ווילנער שטאָטשיל.

אַלס סטודענט פון דער וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריע געקומען זומער אויף אורלויב אין קיִעוו און דאָרט געוואָרן כאָרמײַסטער פון אַ רוסישער אָפּערעטן־טרופּע און אויך אין פּישזאָנס יִדישער טרופּע. אין עלטער פון 22 יאָר אַבסאָלווירט די קאָנסערוואַטאָריע, געוואָרן מיליטער־קאַפּעלמײַסטער, דערנאָך דיריגענט אין פאַרשידענע נישט־יִדישע טרופּעס. אין דער צײַט אָנגעשריבן צוזאַמען מיט שלאָסבערגן די מוזיק צו לאַטײַנערס „חורבן ירושלים”. זײַענדיק בײַ קאָמפּאַניעעצן אין טרופּע, האָט ליאָוו אויך געפּרוּווט זיך אַלס אַקטיאָר, און בעת מען פלעגט שפּילן דראַמעס און ער פלעגט נישט דיריגירן, פלעגט ער זיך באַטייליקן אין די פאָרשטעלונגען.

דערנאָך ווערט ליאָוו אַנגאַזשירט אין דער ווילנער גרויסער שיל אַלס שטענדיקער דיריגענט בײַם חזן גרשון סיראָטע. דאָ שטודירט ליאָוו סינאַגאָגאַלע קאָמפּאָזיציעס פאַר סאָלאָ און כאָר, וועלכע זענען אַרײַן אין רעפּערטואַר פון סיראָטאַ און אַנדערע חזנים. אין 1902 האָט ער אײַנגעאָרדנט זײַן ערשטן רעליגיעזן קאָנצערט אין ווילנע, דערנאָך אויפגעטראָטן מיט ענלעכע קאָנצערטן אין מינסק, גראָדנע, ביאַליסטאָק, וואַרשע און אַנדערע שטעט מיט סיראָטאַן אַלס סאָליסט. אין 1905 ווערט ער מוזיק־דיריגענט אין בוקאַרעסטער רעפאָרם־טעמפּל, ווּ ער פירט אײַן אַ נײַעם רעפּערטואַר מיט אַ מער יִדיש טראַדיציאָנעלן אינהאַלט און שרײַבט פּרעלודיעס פאַרן אָרגל. דאָ שטודירט ער מוזיק איינִיקע יאָר בײַ קאָהען־לינאַרן, שרײַבט סינאַגאָגאַלע קאָמפּאָזיציעס און גיט אַ רײ קאָנצערטן פון סינאַגאָגאַלער און קלאַסישער מוזיק. אין 1908 ווערט ער הויפּט־דיריגענט אין וואַרשעווער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, ווּ ער בילדעט אויס אַ כאָר, וועלכער דערוואָרבט זיך גרויס פּאָפּולאַריטעט. אין משך פון זײַן 12־יאָריקער טעטיקייט אין וואַרשע — ביז 1920 — האָט ליאָוו געשאַפן פיל וואָקאַלע און אינסטרומענטאַלע קאָמפּאָזיציעס און פיל אויפגעטאָן אויפן געביט פון פאָלקס־מוזיק, אַרויסטרעטנדיק אַלס מוזיק־דירעקטאָר אין אָרטיקן „הזמיר” אויף די פאַמיליע־אָוונטן אין ספּעציעלע פּראָגראַמען פון פאָלקסלידער, געהאַלטן לעקציעס איבער פאָלקסמוזיק און געשריבן מוזיק צו די טעקסטן פון יִדישע דיכטער. ליאָוו איז אויך אַרומגעפאָרן איבער שטעט און שטעטלעך און געזאַמלט פאָלקסלידער, חסידישע ניגונים און זיי באַאַרבעט און אַ טייל פון זיי פאַרעפנטלעכט אין פאַרלאַג „ניגון”. אין 1913 איז ליאָוו געפאָרן מיט סיראָטאַן אויף אַ קאָנצערט טורנע איבער אַמעריקע, און ווען ער איז צוריקגעקומען אין וואַרשע, האָט ער געשריבן מוזיק צו לײַכטע פאָלקסלידער, איבערזעצונגען פון קינדערלידער, לידער פון פּרצן און אַנדערע יִדישע שרײַבער, פאַר יִדישע קינדערהיימען אונטער דער אָנפירונג פון פּרץ און דינעזאָן. בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע פון פּוילן — 1915 — האָט ליאָוו ווידער געגרינדעט אַ כאָר, מיט וועלכן ער האָט געגעבן קאָנצערטן, דערנאָך איז ער געוואָרן דיריגענט פון בונדישן כאָר בײַם „גראָסער־קלוב” אין וואַרשע, פאַר וועלכן ער האָט באַאַרבעט אַרבעטער־ און רעוואָלוציאָנערע לידער. אין 1920 — ווידער געקומען קיין אַמעריקע מיטן חזן מרדכי הערשמאַן אַלס סאָליסט, דערנאָך אײַנגעאָרדנט קאָנצערטן פון וועלטלעכער, סינאַגאָגאַלער, יִדישער פאָלקסמוזיק און אָריגינעלע קאָמפּאָזיציעס. דערנאָך איז ליאָוו צוגעצויגן געוואָרן אַלס דיריגענט אין פּעטערסאָנער יִדישן געזאַנג־פאַראיין, ווּ ער האָט אַחוץ יִדישע פאָלקסלידער, אויך אײַנגעשטודירט פראַגמענטן פון אָראַטאָריעס. שפּעטער אָרגאַניזירט ער אַ כאָר בײַם נאַציאָנאַלן יִדישן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין ניו־יאָרק. רעאָרגאַניזירט דעם בראָנזווילער שובערט־געזאַנג־פאַראיין און ווערט מוזיק־לערער אין יִדישן לערער־סעמינאַר. אַלס געזאַנג־לערער אין די אַרבעטער־רינג־שולן, האָט ער אין 1924 אויפגעפירט די קינדער־אָפּערעטע „די באַפרײַונג פון פרילינג” פון קיליגיטש, צו וועלכער ער האָט געשריבן מוזיק. אין 1929 איז אין מאַנהעטן אָפּערע־הויז אויסגעפירט געוואָרן צום 10יאָריקן יובילײ פון די אַרבעטער־רינג־שולן — אויסגעפירט דורך די קינדער מיט אַ סימפאָנישן אָרקעסטער — „דער לידער קראַנץ פון קינדער שפּילפּלאַץ, ביז די באַריקאַדן, געפלאָכטן פון פאָלקסלידער, אַרבעטער־ און קאַמפסלידער”, ליברעטאָ און מוזיק פון ל. ליאָוו.

אין 1930 האָט ער אויפגעפירט מיטן כאָר פון יִדישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד הענדעלס אָראַטאָריע „יהודה המכבי”. ער האָט אויך באַזוכט ישראל און דאָרט אָנגעפירט מיט קאָנצערטן מיט אַ פאַרגרעסערטן אָפּערע־כאָר. ביז הײַנט געפינט ער זיך אין ניו־יאָרק, ווּ ער דיריגירט דעם כאָר אין בית־אל טעמפּל.

פאַר טויזנטער און טויזנטער פון אונדזער דור וואַרשעווער, וועט לעאָ ליאָוו — אַ הויכער, דיקער מיט ראָזעווע באַקן, מיט פאַרזשמורעטע אויגן, דער גוטמוטיקער און שטרענגער אָרגאַניזירער און פירער פון די קינדערכאָרן פון די וואַרשעווער יִדישע גמינע־שולן, בלײַבן אויף אייביק אײַנגעקריצט אין זכרון אַלס דער פּיאָנער וואָס האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר די שפּעטערדיקע אַרבעטער־כאָרן און בכלל דער, וואָס האָט אין אונדז דערוועקט דעם געשמאַק צו דער קלאַסישער און פאָלקסמוזיק. און זאָל נישט פאַרגעסן ווערן, אַז ווען הונדערטער יִדישע אַרבעטער האָבן מיט זייערע איינצלנע מאַרקן — וואָס האָבן נישט געקלעקט אײַנצוקויפן אַ שטיקל ברויט — האָבן זיי אײַנגעהאַנדלט דעם אַרײַנשמוגל „אויף גאַפּע” אין די הײַזער פון דער וואַרשעווער „פילהאַרמאָניע” און „אָפּערע” — איז דאָס געווען די פּרוכט פון לעאָ ליאָווס דערציִונג. און ס'דאַרף פאַרצייכנט ווערן דער פאַקט, אַז הונדערטער קינדער פון דער וואַרשעווער אָרעמקייט, וועלכע זענען פאַרנאַכט נאָך די שול־למודים געקומען אויף גענשע 43, צו די כאָר־רעפּעטיציעס, האָט ליאָוו פאַר זיי — בײַ די גמינע תקיפים — אויסגעקעמפט אַ ברויטל מיט אַ וואָרשטל און אַ גלאָז מילך, וואָס איז כמעט שטענדיק געווען זייער איינציק אָוונט־ברויט.

ליבערט יעקב

געבוירן אין יאָר 1874 אין וואַרשע, בײַ חסידישע עלטערן. געלערנט ביז 13 יאָר אין חדר, און שוין צו 10 יאָר אָפּגעגעבן געוואָרן אויף דער לער אין אַ יִדישער דרוקערײַ. גלײַכצײַטיק געווען אַ משורר בײַ אַ חזן און זיך באַטייליקט אין „קנאַבנכאָר” אין גאָלדפאַדענס טרופּע אין וואַרשע. ליבערט ווערט זייער פאַרכאַפּט פון טעאַטער און קאָפּירט נאָך אין שטוב די אַקטיאָרן. גאָלדפאַדען באַמערקט דאָס און גיט אים צו שפּילן ראָלן צוגעפּאַסט צו זײַן עלטער. ליבערט הערט אויף זיך צו באַשעפטיקן מיט זײַן פאַך און פאַרברענגט זײַן גאַנצע צײַט אויף און אַרום דער בינע. אין 1887 — בעתן פאַרבאָט אויפן יִדישן טעאַטער, טרעט ער אַרײַן אַרבעטן אין אַ פּוילישער דרוקערײַ, פון וועלכער דער באַזיצער איז אַן אַקטיאָר פון די פּוילישע רעגירונגס־טעאַטערס, און ליבערט לערנט זיך בײַ אים פּויליש און אויך טעאַטער־טעכניק. אין עלטער פון 17 יאָר באַקענט ער זיך מיט אסתר רחל האַלפּערן — שפּעטער קאַמינסקי —

און צוזאַמען מיט נאָך חברים געגרינדעט אין וואַרשע אַ ייִדיש דראַמאַטיש קרײַזל, וואָס האָט זיך אָנגעשטויסן אויף גרויסע שטערונגען מצד דער רוסישער פּאָליציי. אין 1892 — אַ דאַנק דער באַמיִונג פון דער רוסישער טעאַטער־דירעקטאָרשע אָלגינסקאַיאַ — באַקומען די דערלויבעניש צו שפּילן אין וואַרשע אויף „ייִדיש־דײַטש" צוזאַמען מיט דער רוסישער טרופּע, אָבער די טרופּע עקסיסטירט נישט לאַנג און אין 1893 — בעת עס ווערט פאַרווערט צו שפּילן אַפילו „ייִדיש־דײַטש" — ווערט ליבערט אַנגאַזשירט צו פּישזאָנען, מיט וועמענס טרופּע ער פאָרט אַרום 11 יאָר איבער שטעט און שטעטלעך פון גרויסרוסלאַנד, איבערטראָגנדיק נגישות און צרות פון דער רוסישער מאַכט און הונגער צוליב די אָפטע שוואַרצע באַזוכן אין געוויסע שטעט און עקספּלאָטאַציע מצד די אונטערנעמערס.

אין 1905 איז ליבערט געקומען אין וואַרשע און צוזאַמען מיט אסתר רחל קאַמינסקי אָפּגעטיילט די דראַמע פון דער אָפּערעטע. געשפּילט מיט איר אַ געוויסע צײַט צוזאַמען אין וואַרשע אין דער דראַמע און דערנאָך געמאַכט אַ טורנעע איבער די גרעסטע שטעט פון רוסלאַנד. שפּעטער איז ליבערט איינער פון די וויכטיקסטע כוחות פון דער „פּאַראייניקטער טרופּע", ווו ער שפּילט די הויפּטראָלן אין גאַנצן רעפּערטואַר פון גאָרדין, ליבין און קאָברין, און צייכנט זיך אויך אויס אין איבסענס און אין זודערמאַנס פּיעסעס. אין 1911 — אַרומגעפאָרן מיט דער דראַמאַטישער טרופּע איבער דער וואָלגאַ, סיביר און אַנדערע טיילן פון מזרח־רוסלאַנד. אין 1912 — אָנגעפירט צוזאַמען מיט סאַנדלער — עפּלבערג, מיטן „עליזעאום"־טעאַטער אין וואַרשע, ווו עס ווערט צום ערשטן מאָל אויפגעפירט אייראָפּעיִשע אָפּערעטעס אין דער ייִדישער שפּראַך. בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — 1917 — אַרומגעפאָרן איבער אוקראַיִנע און מיטגעהאָלפן גרינדן דאָס ייִדישע מלוכה־טעאַטער אין קיִעוו. אין 1920 געשפּילט מיט אַ קאָלעקטיוו אין קאַווקאַז און אין 1930 אַרײַנגעטראָטן אין באַוועגלעכן מלוכה־טעאַטער.

ליבערט האָט באַקומען פון דער ראַטן־רעגירונג דעם טיטל „פאַרדינסטפולער אַרטיסט" און ווערט יעדעס יאָר פּרעמירט מיט אַ געלטסומע, ווי אויך מיט 2 חדשים אורלויב.

ליפּמאַן משה

געבוירן דעם 20טן פעברואַר 1893 אין אַפּט, ראַדאָמער גוב', בײַ חסידישע עלטערן. צו 7 יאָר געקומען קיין וואַרשע, געלערנט אין פאַרשידענע חדרים. צו 12 יאָר געאַרבעט בײַ אַ זייגער־מאַכער. אין 1907 געוואָרן אַ ליבהאָבער און אין 1909 אַרײַנגעטראָטן אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר צו סעם אַדלערן אין וואַרשע. ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה אַרומגעפאָרן מיט פאַרשידענע טרופּעס איבער פּוילן און רוסלאַנד. בעתן מלחמה־אויסבראָך, 1914, אַרויסגעפאָרן קיין רוסלאַנד און דאָרט געשפּילט ייִדיש טעאַטער אין די ווײַטסטע געגנטן, ביז סיביר. אין 1918 געווען אַ מיטגרינדער פון ערשטן ייִדישן מלוכה־טעאַטער אין אָדעס. אין 1921 צוריקגעקומען אין פּוילן, געשפּילט אין גאַליציע, דערנאָך אַרײַנגעטראָטן אין וואַרשעווער „צענטראַל"־טעאַטער, ווו ער איז געווען איינער פון די אָנפירערס און אויפגעפירט בעסערע פּיעסעס. אין 1926 — אָנגעפירט מיטן „סקאַלאַ"־טעאַטער אין לאָדזש, 1927 — גאַסטראָלירט אין דרום־אַפריקע, אין 1928 — אָנגעפירט מיטן קאַמינסקי־טעאַטער אין וואַרשע. נאָך דעם מיטן „סקאַלאַ"־טעאַטער. ליפּמאַן האָט אויך אָנגעשריבן אַ רעפּאָרטאַזש־פּיעסע „די 10 פון פּאַוויאַק". אין דער צײַט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה זיך געראַטעוועט אינעם ראַטנפאַרבאַנד. ליפּמאַן געפינט זיך איצט אין אַרגענטינע.

לעדערמאַן דוויד

געבוירן אין אַפּט, ראַדאָמער גוב', בײַ פרומע עלטערן־סוחרים. נאָך אין דער שול אין לאָדזש, האָט ער זיך באַטייליקט אין די שילער־פאָרשטעלונגען. שפּעטער געאַרבעט אויף אַ פאַרם בײַ לאָדזש. צוריקקומענדיק אין לאָדזש, האָט ער אָנגעהויבן פאַרקערן אין ליבהאָבער־קרײַזן און דעביוטירט בײַ דעם מאָסקווער רעזשיסער באַרו. אין 1919 איז לעדערמאַן געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין סעם אַדלערס טרופּע. אין דער צײַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער געווען איינער פון די מיטגרינדערס פונעם „צענטראַל"־טעאַטער אין וואַרשע. אין 1921 — איז ער צווישן די גרינדערס פון „וויקט", אין וועלכן ער שפּילט אין וואַרשע און אויף דער פּראָווינץ. דערנאָך אין קאַמינסקיס טעאַטער „סמבטיון", ווו ער איז אויך אַ מיטדירעקטאָר. אין 1932 — מיטגרינדער פון דער „ייִדישער באַנדע", מיט וועלכע ער מאַכט אַ טורנעע איבער דער פּראָווינץ. לעדערמאַן האָט אויך זיך באַטייליקט אין די פילמען „תקיעת־כּף" און „אין פּוילישע וועלדער". איצט געפינט ער זיך אין אַרגענטינע.

לעווי זשאַק

געבוירן דעם 10טן סעפּטעמבער 1887 אין וואַרשע, בײַ אָרעמע חסידישע עלטערן. צו 13 יאָר אָנגעהויבן צו לייענען „טריפה־פּסול" ביכער, געגומען באַזוכן די פּוילישע אָפּערע און דראַמאַטישע פאָרשטעלונגען און געחלומט צו ווערן אַן אַקטיאָר. אין 1905 דעביוטירט ער אין פּאַריז, מיטן ליבהאָבער־קרײַז פון דער „פרייער ייִדישער אַרבעטער־בינע". אין 1906 ווערט ער אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, שפּילט מיט די גאַסטראָלירנדיקע טרופּעס אין פּאַריז. אין 1909 איז ער צום ערשטן מאָל אין פּראָג אויפגעטראָטן אויף אַ רעציטאַציע־אָוונט, פאָרלייענענדיק פּרצן, נאָמבערגן, רייזענען, ראָזענפעלדן און שלום־עליכמען. אין 1911 — צוריקגעקומען קיין וואַרשע, געמאַכט אַ טורנעע איבער ווײַסרוסלאַנד און לעטלאַנד. אין 1912 — שטודירט ער אין פראַנקפורט אין אַ דראַמאַטישער שול. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה געשפּילט אין בודאַפּעסט. אין 1919 געקומען קיין וואַרשע, טרעט אויף אין טעאַטער „עליזעום" אין אַ סאָלאָ־קאָנצערט מיט רעציטאַציעס פון דער ייִדישער און פון דער וועלט־ליטעראַטור. אין 1924 האָט ער אין וואַרשע געגרינדעט אַ „הבימה". אין 1942 איז ער פון די „יודען פּאָליציי" „אויסגעזידלט" געוואָרן אויף אומקום.

לייפּציקער מאַרק

געבוירן דעם 27טן סעפּטעמבער 1897 אין וואַרשע, אין אַ חסידישער פאַמיליע. געלערנט אין חדרים, ישיבות, מיט שוועריקייטן דערלויבט צו לערנען בײַ אַ לערער למודי־חול. דורך זײַן קוזין, דעם אַקטיאָר חיים גרינשפּאַן, געוואָרן באַקאַנט מיטן ייִדישן טעאַטער און באַקומען דערצו אַ שטאַרקע נײַגונג. זיך באַטייליקט אין דראַמקרײַזן בײַם וואַרשעווער „הזמיר" און דערנאָך אַרויסגעוואַנדערט 2 יאָר אַלס סופלאָר מיטן אַקטיאָר נתן גאָלדבערג איבער פּוילן. צוליב דער ערשטער וועלט־מלחמה געשטערט געוואָרן צו שפּילן ייִדיש און געמוזט געבן פאָרשטעלונגען אין טאַנץ־ און חתונה־זאַלן אונטער דער מאַסקע פון טאַנצאָוונטן און חתונות.

סוף 1914 — אַוועק קיין מינסק און דאָרט מיט אַקטיאָרן און ליבהאָבערס צונויפגעשטעלט אַ קאָלעקטיוו און געשפּילט שבת־נאָכמיטאָגס, אָפּגעבנדיק 50 פּראָצענט פאַרן רוסישן רויטן קרייץ. נאָכן שפּילן איינציקע מאָל ווערט בכלל פאַרווערט דאָס שפּילן. אין

1915 — צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע און דאָרט סופלירט אין „אַרטיסטיש־ווינקעלע" בײַם „הזמיר". דערנאָך געפאָרן אין אַ טורנעע מיט אסתר רחל קאַמינסקי איבער פּוילן און אוקראַיִנע. נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אַרײַנגעטראָטן אין דער טרופּע פון רודאָלף זאַסלאַווסקי־לוקסעמבורג. אין 1920 זיך באַטייליקט אין פּאָלטאַווער „קונסט־ווינקל", וועלכער טראָגט זיך איבער אין 1921 קיין קרעמענטשוג און דערנאָך אין כאַרקאָוו. זינט 1922 באַזעצט זיך דאָס טעאַטער אין קיִעוו, ווּ לײַפּציקער איז מיטבאַטייליקט ביז 1928 אַלס אָוונט־רעזשיסאָר. אין 1929 אַריבער אַלס בינע־פאַרוואַלטער אין אַלאוקראַיִנישן מלוכה־טעאַטער „געזקולט", ווּ ער אַרבעט ביז 1930, שפּעטער געאַרבעט אין קיִעווער קינאָ־פאַבריק, ווּ ער גייט דורך אַ 6 חדשימדיקן קורס אין דער קינאָ־לאַבאָראַטאָריע, אין 1931 געאַרבעט 8 חדשים אַלס בינע דירעקטאָר אין „ערשטן אַלפאַרבאַנדישן פּוילישן טעאַטער" אין קיִעוו, דערנאָך געאַרבעט אָרגאַניזאַציאָנעל און אַדמיניסטראַטיוו אין „פּעדאַגאָגישן ייִדיש־אוקראַיִנישן מלוכה־טעאַטער פאַר קינדער" אין קיִעוו, וואָס האָט באַדינט די ראַטנשולן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, ייִדישע טעכניקומס, פּראָפּשולן אד"ג.

לײַפּציקער האָט אויך אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט דראַמאַרבעט אין ייִדישע אַרבעטער־קלובן אין אוקראַיִנע און האָט זיך באַטייליקט אין אייניקע רוסישע פילמען. לײַפּציקער איז אַ מיטגרינדער און אַקטיווער זאַמלער פאַר דער טעאַטער־אָפּטיילונג בײַם „מענדעלע מוזיי" אין אָדעס. ער איז אויך אַ מיטאַרבעטער אין דער ייִדישער טעאַטער־אָפּטיילונג פון דער „אַלאוקראַיִנישער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע".

לילית אָליאַ — לאָלאַ צעדערבוים

געבוירן דעם 16טן נאָוועמבער 1906 אין וואַרשע. דער פאָטער — אַ הויז־באַזיצער. שטאַמט אָפּ פון ר' עקיבא אייגער און איז אַ קרוב פון אַלעקסאַנדער צעדערבוים, רעדאַקטאָר פון „המליץ". געענדיקט די פילאָלאָגישע גימנאַזיע פון פּויזנער אין וואַרשע. געווען אַ מיטגליד אין די אַרטיסטישע קאָמיסיעס אין דער גימנאַזיע און זיך באַטייליקט אין די פאָרשטעלונגען און געזאַנג־ראָלן, זיך אַליין אַקאָמפּאַנירנדיק. שפּעטער זיך באַטייליקט אין די פאָרשטעלונגען פון „מכבי" און „ספּאָרט־יוגנט". שפּעטער געשפּילט אין „קווי פּראָ קוואָ", אַרויסטרעטנדיק אין סאָלאָס און דועטן מיט האַנוש און מאַכעווסקי. אין 1926 אָנגעהויבן שפּילן אונטערן נאָמען „אָליאַ לילית" אין דער ייִדישער קליינקונסט־בינע „אַזאַזעל", פון וועלכער זי איז געווען אַ מיטגרינדערין. געמאַכט אַ טורנעע איבער די גרעסערע שטעט פון פּוילן, ווידער אין וואַרשע, אַרויסטרעטנדיק מיט זעלבסטשטענדיקע קאָנצערטן מיט וולאַדיסלאַוו גאָדיק. נאָך דעם געמאַכט אַ טור איבער מערב־אייראָפּע — טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרײַך, פראַנקרײַך, בעלגיע, האָלאַנד און ענגלאַנד. אין 1931 געקומען אין נ' אַמעריקע, געשפּילט אין טעאַטער, ווידער זיך אומגעקערט צו אירע קליינקונסט־קאָנצערטן אויף דער ייִדישע בינע, ווערט אָבער אַנגאַזשירט אַלס קאָנצערטיסטין אין דער ענגלישער שפּראַך אין ענגלישן וואָדעוויל צירקל רק"אָ., פאָרט דערנאָך אָפּ קיין אייראָפּע צו גאַסטראָלירן אויף דער ייִדישער בינע.

לינדענפעלד שלמה

געבוירן דעם 30טן אָקטאָבער 1878 אין וואַרשע. דער פאָטער — אַן אַדמיניסטראַטאָר פון הײַזער. געלערנט אין חדר און אין אַ רוסישער האַנדלס־שול, געזונגען בײַ אַ בעל־תפילה און שפּעטער אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין שעדלעץ אין כאָר פון זשעלאַזאָס טרופּע, ווּ ער באַקומט צו שפּילן קליינע ראָלן. דערנאָך צוליבן פאַרבאָט צו שפּילן ייִדיש, געווען געצוווּנגען צו גיין אַלס זינגער אויף חתונות און פאַרווײַלונגען. אָנגעקומען אין וואַרשע — צוזאַמען מיט זשעלאַזאָ און אַנדערע — איז ער ווידער געווען בדחן אויף חתונות, שפּילט אויך טעאַטער אַלס כאַראַקטער־ראָליסט אין בערנשטיינס טרופּע, קומט צוריק קיין וואַרשע און טרעט אַרײַן צו ראַפּאַפּאָרטן. פאָרט קיין פּאַריז, אין 1913 שפּילט ער אין לאָדזש, 1914—1917 שפּילט ער אין וואַרשע, אין וואָדעוויל „וועגוס". מאַכט אַ טורנעע ביאַליסטאָק, פּאָלטאַווע א"אַ. קומט צוריק קיין וואַרשע, ווערט אַ בדחן און פאַרווײַלער אויף שימחות. גיט אַרויס אין דרוק אַ סך פון זײַנע אייגענע לידער, מאַכט פּאָנאָגראַף־פּלאַטן מיט זײַנע לידער און קופּלעטן.

מאַנדעלבליט יעקב

געבוירן דעם 25טן מאַרץ 1904 אין וואַרשע, בײַ אָרעמע עלטערן. געלערנט אין חדר און אין אַ ייִדיש־פּוילישער שול אין לובלין. אָנגערעגט דורכן פאָטער — אַן אָפּטער טעאַטער־באַזוכער און אַ מיטגליד אין דראַמאַטישע קרײַזן — האָט מאַנדעלבליט אין עלטער פון 15 יאָר, געגרינדעט אַ קינדער־טרופּע, וועלכע האָט יעדן שבת נאָכמיטאָג אין אַ חתונה־זאַל נאָכגעשפּילט פאַר קינדער דעם רעפּערטואַר, וועלכע זיי האָבן געזען אין טעאַטער אָדער אין דראַמקרײַזן. אַן אונטערנעמער נעמט באַלד אַריבער די קינדער־טרופּע צו שפּילן אין אַ טעאַטער און קורץ נאָך דעם פאָרט אַרום די טרופּע איבער דער פּראָווינץ.

אין עלטער פון 15 יאָר, איז ער שיק־ייִנגל בײַ דער ייִדישער טרופּע פון הערשקאָוויטש, ווּ ער ווערט אַ יאָר שפּעטער סצענאַריוס, דערנאָך סופלאָר און לסוף רעזשיסאָר, באַקומענדיק פון צײַט צו צײַט קלענערע ראָלן. אין 1923 טרעט ער אַרײַן אין דער טרופּע פון טורקאָוו־קאַמינסקי, שפּילט מיט זיי אין ווילנע און שפּעטער אין וואַרשעווער „צענטראַל"־טעאַטער, פאָרט דערנאָך אַרום מיטן וואַרשעווער ייִדישן קונסט־טעאַטער „וויקט" איבער פּוילן און רומעניע, גייט פון דאָרט איבער אין דער ווילנער טרופּע, דערנאָך געשפּילט אין ריגע, און שפּעטער אין וואַרשעווער ייִדישן דראַמאַטישן טעאַטער אונטער דער אָנפירונג פון ווײַכערטן. מאַנדעלבליט האָט זיך באַטייליקט אין די פילמען „תקיעת כף" און „ל"ו". ער האָט אָנגעשריבן צוויי פּיעסעס: „דעם נאַרס לידן" און „גלײַכע רעכט".

די נאַצי־אינוואַזיע האָט מאַנדעלבליטן מיט זײַן משפּחה פאַרכאַפּט אין לעמבערג, ווּ זיי האָבן געשפּילט ייִדיש טעאַטער. בעת די שחיטה־אַקציעס האָט מאַנדעלבליט צוזאַמען מיט אַנדערע געגרינדעט באַוואָפנטע ווידערשטאַנד־גרופּן, און מיט געווער געקעמפּט קעגן די נאַצים ביזן יאָר 1943, ווען ער איז אַלס איינער פון די לעצטע, אומגעקומען אַדורכגעלעכערטער פון נאַצי־קוילן אין אַ קאַנאַליזאַציע־קאַנאַל.

מאַנדעלטאָרט לעאָן

געבוירן אין יאָר 1860 אין וואַרשע, בײַ אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע. צוליב מיליטער־דינסט אַוועק קיין לעמבערג און דאָרט זיך אָנגעהויבן צו באַטייליקן אין די פאָרשטעלונגען פון די בראָדער זינגער. געקומען אין ניו־יאָרק און נעמט איבער אַ קליין טעאַטערל, אָרגאַניזירט דאָרט אַ טרופּע, וועלכע פירט אויף גאָלדפאַדענס פּיעסעס און ער אַליין שפּילט די כאַראַקטער קאָמישע ראָלן. 6 יאָר שפּעטער פאָרט ער מיט אַ חברים־טרופּע קיין דרום־אַמעריקע, אַנ־

גאַזשירט דורכן דאָרטיקן טעאַטער־סינדיקאַט, זיי שפּילן דאָרט על פּי רוב גאָלדפאַדענס פּיעסעס. מאַנדעלטאָרט איז אָבער קראַנק געוואָרן און אָפּגעפאָרן קיין ווין, וווּ ער איז אָפּערירט געוואָרן אויפן מאָגן, און איז דאָרט דעם 15טן מײַ 1899 געשטאָרבן.

מאַקסימאָוו מ. (מלך־מאַקס פּאָקאָי)

געבוירן אין יאָר 1893 אין וואַרשע. דער פאָטער א באַזיצער פון א שאַכטל־פאַבריק. ביז צו 15 יאָר געלערנט אין חדר, געזונגען בײַ די חזנים סיראָטאַ, מענדעלעוויטש, פּאָגעלנעסט א"א. געאַרבעט אַלס אָנגעשטעלטער אין א לעדער־געשעפט. נאָכן זען די ערשטע יִדישע פאָרשטעלונגען, באַשלאָסן נאָכצומאַכן די אַקטיאָרן. פּאָקאָי נעמט דאַן צונויף חברים און „שפּילט" מיט זיי טעאַטער בײַ זיך אין שטוב און אין די שטיבער פון די שכנים. אין 1910 ווערט ער א פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין לערמאַנקעס טרופּע אין מינסק. אין 1915—1916 איז ער פּאָפּולער אַלס קופּלעטן־זינגער אין וואַרשע. איז איינער פון די גרינדערס פון „אונדזער טעאַטער" אין ווילנע.

מידע אַדאָלף

געבוירן דעם 17טן אָקטאָבער 1894 אין וואַרשע, בײַ עלטערן־פאַרמעגלעכע סוחרים. ביז 12 יאָר געלערנט אין שול און בײַ א גמרא־מלמד. באַקענט זיך מיט ליבהאָבערס און וואַנדערט מיט זיי אַרום איבער דער פּראָווינץ. אין 1912 ווערט ער א פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר, נעמט אָנטייל אין פאַרשידענע טרופּעס אין וואַרשע און איבער דער פּראָווינץ. אין 1922 קומט ער קיין אַרגענטינע, וווּ ער גרינדעט דעם ערשטן יִדישן אַקטיאָרן־פאַריין פון וועלכן ער ווערט סעקרעטאַר, ווערט א טעאַטער־אונטערנעמער, ברענגט אַראָפּ א ריי „סטאַרן" פון נ' אַמעריקע און אייראָפּע, צווישן זיי מאָריס שוואַרץ, מאַלווינאַ לאָבעל, באָריס אַווערבוך, יצחק דײַטש, מאָרעווסקי, סאַמבערג, סאָקאָלאָוו א"א. מידע וווינט ביז הײַנט אין בוענאָס־איירעס, וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט א באַנד מעמואַרן.

מילנער מאַרקאָ (מאַרעק)

געבוירן בערך אין 1884. אין 1904, בעת די יִדישע בינע אין פּוילן איז געווען פאַרפּלייצט מיט שונד, האָט א גרופּע יונגעלײַט באַשלאָסן צו גרינדן א ליטעראַריש־אַרטיסטישן קרײַז, וואָס זאָל געבן דעם אינטעליגענטן צוקוקער די מעגלעכקייט צו זען די אויפפירונג פון א לײַטישער פּיעסע. אין צענטער פון דעם קרײַז איז געשטאַנען מילנער.

דער קרײַז האָט אָנגעהויבן זײַן אַרבעט אין א פּריוואַטער שטוב אויף קופּיעצקע־גאַס, און שפּעטער אַריבער אין א טאַנץ־שול אויף גזשיבאָווסקע, ביז ער האָט געפונען זײַן מקום־מקלט אין נײַ געגרינדעטן „הזמיר". אַרום „מילנערס קרײַז", וווּ מען האָט אים גערופן, האָט זיך גרופּירט די יִדישע אינטעליגענטע יוגנט, און אפילו יִדישע שילער פון די פּוילישע דראַמאַטישע שולן זענען אַרײַנגעטרעטן אַלס מיטגלידערס. צווישן די דאָזיקע שילערס זענען געווען די שפּעטערדיקע אַקטיאָרן מאַרק שווײַד, שרה פּיביך, זיגמונט טורקאָוו א"א. אין דער צײַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז מילנער אַוועק קיין רוסלאַנד, וווּ ער ווערט א פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר אין כאַרקאָווער „אונדזער ווינקל", אָנפירנדיק גלײַכצײַטיק מיט דראַמקרײַזן. צוריקגעקומען אין פּוילן האָט ער געאַרבעט אין פּראָפעסיאָנעלע טרופּעס און אין 1921 איז ער געווען אין דער אָנפירערשאַפט פון „באַוועגלעך יִדיש־דראַמאַטישן טעאַטער" פאַר דער פּוילישער פּראָווינץ. מילנער איז אַוועק פונעם טעאַטער, ווײַל ער האָט זיך נישט געקענט בויגן, אונטערוואַרפן, ווײַל ער איז געווען א צו שטאַרקע פּערזענלעכקייט. מאַרקאָ מילנער איז געשטאָרבן אין וואַרשע.

מעלניק נחום

געבוירן אין בענדין. דער פאָטער א סוחר און גלײַכצײַטיק א העברעיִשער לערער. ביז 14 יאָר געלערנט אין ישיבה און פּריוואַט וועלטלעכע למודים. אין 1923 אַרײַנגעטראָטן אין דער וואַרשעווער יִדישער דראַמאַטישער שול פון ד"ר ווייכערט און אין 1925 דעביוטירט מיט דער שול אין פּרצעס „בײַ נאַכט אויפן אַלטן מאַרק". אין ענדע פונעם זעלבן יאָר אַרײַנגעטראָטן אין „אַזאַזל". אין 1928 געשפּילט אין קראָקעווער יִדישן טעאַטער, דערנאָך מיט זיגמונט טורקאָוו און אידאַ קאַמינסקאַ אין וואַרשע און איבער פּוילן. שפּעטער אַרײַנגעטראָטן אין דער „ווילנער טרופּע". נאָך דעם געקומען קיין בוענאָס־אײַרעס, געוואָרן רעזשיסער און מיטשפּילער אין „איפּט", אַרויסגעטראָטן מיט ליטעראַריש־קינסטלערישע קליינקונסט־נומערן צוזאַמען מיט זײַן פרוי דבורה ראָזנבלום. אַוועקגעפאָרן קיין נ' אַמעריקע, וווּ ער שפּילט איבער דער פּראָווינץ.

מענעס יעלענאַ

געבוירן דעם 27טן אויגוסט 1905 אין וואַרשע. דער פאָטער, ברודער און פעטער — מאַלערס. אין 1914 פאָרט די פאַמיליע אַריבער קיין כאַרקאָוו, וווּ מענעס טרעט אַרײַן אין גימנאַזיע. צו 10 יאָר טרעט זי אַרײַן אין כאַרקאָווער טאַנצשול, וווּ זי האָט געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצוטרעטן אין דער עפנטלעכקייט. פון 1916—1920 געאַרבעט אין כאַרקאָווער פאָלקסהויז, זיך באַטייליקט אין כאַרקאָווער מלוכה־אָפּערע אַלס סאָליסטין פון באַלעט און רעזשיסירט באַלעטן אין פאַרשידענע טעאַטערס. אין 1925 געוואָרן כעאָגראַפישער רעזשיסער און באַלעט טענצערין אין מאָסקווער יִדישן מלוכה־טעאַטער. זיך אויך באַטייליקט אין פאַרשידענע מוזיקאַליש־דראַמאַטישע און כאָרעאָגראַפישע אינסטיטוציעס.

נאַרוויד מאָריץ (טרעפלער)

געבוירן דעם 4טן יולי 1895 אין וואַרשע, בײַ פאַרמעגלעכע עלטערן־סוחרים. באַקומען אַן אַסימילאַטאָרישע דערציִונג, געענדיקט די רוסישע רעאַלשול אין וואַרשע. נאָך אין דער שול האָט נאַרוויד זיך אויסגעצייכנט אַלס ראָליסט און אויפפירער פון די אָפטע שילער־פאָרשטעלונגען אין רוסיש און פּויליש, פאַר וועלכע ער האָט סצעניזירט מעשיות פון „טויזנט און איין נאַכט". נאָכן ענדיקן די רעאַלשול אַרײַנגעטראָטן אויפן פּוילישן דראַמאַטישן קורס בײַ דער מוזיקאַלישער געזעלשאַפט אין וואַרשע, וועלכן ער ענדיקט אין 1914 און מוז צוליב דער אויסגעבראָכענער מלחמה איבעררײַסן די פּראַקטישע אַרבעט. דורך דער רעקאָמענדאַציע פון זיגמונט טורקאָוו טרעט ער אַרײַן אין דוויד הערמאַנס יִדישער דראַמאַטישער סטודיע בײַם „הזמיר", וווּ ער דעביוטירט אין פּרצעס „עס ברענט". פרעמד פון דער יִדישער שפּראַך, פלעגט ער זײַנע ערשטע ראָלן לערנען אין לאַטיינישע אותיות, וואָס האָט אים אָבער נישט באַפרײַט פון זײַן אָפּגעפרעמדטן דיאַלעקט אין יִדיש. שפּילנדיק מיט הערמאַנען אין דוויד פּינסקים „פאַמיליע צבי", יעזשי זשולאַווסקים „ליטעראַטין און שושפּילערין", אין פּרץ הירשביינס „די נבלה". נאָך דעם איז ער אַרײַנגעטראָטן אין דער פּוילישער טעאַטראַלער אַקאַדעמיע צו פאַרפולקומען זײַן טעאַטער־בילדונג און גלײַכצײַטיק נעמט ער לעקציעס אויף יִדיש בײַ דוויד הער־

מאַן. ער טרעט אַרײַן אין דער ווילנער טרופּע און פירט אָן מיט דער דראַמאַטישער אַרבעט אין פאַרשידענע אַרבעטער־קלובן אין וואַרשע. דערנאָך פאַרלאָזט ער פּוילן און פאָרט אָפּ קיין ראַטן־פאַרבאַנד, וווּ ער טרעט אַרײַן אין „מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער" און שפּילט דאָרט ביז 1925, אַרבעטנדיק גלײַכצײַטיק אַלס רעזשיסער־לאַבאָראַנט בײַ די פּיעסעס „די כשוף־מאַכערן" פון גאָלדפאַדען, „דער גט" און „צוויי הונדערט טויזנט" פון שלום עליכם. סוף 1925 ווערט ער פאַרבעטן קיין מינסק אַלס אָנפירער מיטן דראַמקרײַז בײַם צענטראַלן ייִדישן אַרבעטער־קלוב אויפן נאָמען פון לענין, וווּ ער פירט אויף אינסצעניזירונגען פון שלום עליכמס „מענטשן" און „אַמעריקאַנער געטער" לויט לוי סינקלער. אין 1926 ווערט ער פאַרבעטן קיין אָדעס, וווּ ער שאַפט אַ טעאַטער־סטודיע אַלס אָפּטייל בײַם אַלגעמיינעם מוזיקאַליש־דראַמאַטישן אינסטיטוט. אין 1928 איז ער אַרײַנגעטראָטן אין „מלוכישן ייִדישן טעאַטער אין אוקראַיִנע", צוזאַמען מיט זײַן אָדעסער סטודיע. אין 1931 איז נאַרוויד באַשטימט געוואָרן פון פאָלקאָמבילד פון אוקראַיִנע אַלס קינסטלערישער אָנפירער און הויפּט־רעזשיסאָר פון דאָזיקן טעאַטער. נאַרוויד האָט אָרגאַניזירט בײַם טעאַטער אַ טעאַטער־סעמינאַר צו אַנטוויקלען די יונגטלעכע אַקטיאָרן, האָט געגרינדעט אַ דיסקוסיע־קלוב, וווּ עס ווערן באַהאַנדלט די קינסטלערישע פּראַגעס, וואָס זענען שײַך יעדער אויפפירונג און האָט געשאַפן בײַם טעאַטער אַ רעזשיסאָרן־שטאַב פון אייגענעם טעאַטער־אַנסאַמבל. נאַרוויד האָט פאַרעפנטלעכט פיל אַרטיקלען וועגן טעאַטער אין פאַרשיידענע ראַטן־פאַרבאַנדישע צײַטונגען און זשורנאַלן.

נאַרפּלוס יוסף

געבוירן אין 1894 אין וואַרשע. אין עלטער פון 12 יאָר אָנגעהויבן צו שפּילן אין די דעמאָלטיקע קינדער־טרופּעס אין וואַרשע און 3 יאָר שפּעטער אַרומגעפאָרן מיט וואַנדער־טרופּעס אַלס קאָמיקער. אין 1914, בעתן פאַרבאָט אין וואַרשע צו שפּילן טעאַטער, האָט ער זיך באַטייליקט אין די ייִדישע פאָרשטעלונגען אויף פּויליש אין די טאַנצזאַלן. ווען אויך די פאָרשטעלונגען ווערן פאַרבאָטן, פאָרט ער קיין רוסלאַנד, וווּ ער שפּילט ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. נאָך דעם קומט ער צוריק קיין פּוילן און טרעט אַרײַן אין וואַרשעווער טעאַטער „ווענוס" און דערנאָך אין „צענטראַל". אין 1929 קומט ער קיין אַרגענטינע, וווּ ער פירט אויף דעם „דיבוק" און נאָך אייניקע פּיעסעס פון בעסערן רעפּערטואַר און העלפט אויך מיט צו גרינדן דעם ייִדישן אַרטיסטן־פאַראיין. נאָך אַ סכסוך, וועלכער פירט צו זײַן אַרעסט, פאַרלאָזט ער אַרגענטינע און פאָרט קיין צפון־אַמעריקע.

סלאָנימסקי — שטערן

טאָכטער פון באַוווּסטן מאַטעמאַטיקער אברהם שטערן פון וואַרשע, פרוי פון חיים זעליק סלאָנימסקי, וועלכער איז אין 1892 אָנגענומען געוואָרן אַלס אינספּעקטאָר פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, אויפן אָרט פונעם פאַרשטאָרבענעם יעקב אייכענבוים.

„אַ זייער געבילדעטע דאַמע, בטבע אַן אַסימילאַטאָרן, האָט זי אָבער — שרײַבט י. מ. פּאַפּיערנאָ — מיטגעבראַכט פון וואַרשע, ווי אַ קוריאָז, די ייִדישע דראַמע „שרהקע" (סערקעלע") פון ד"ר עטינגער פון זאַמאָשטש. די דראַמע איז איר זייער געפעלן געוואָרן. זי פלעגט ליב האָבן זי פאָרצולייענען פאַר באַקאַנטע. דעם זעלבן ווינטער איז איר אײַנגעפאַלן צו מאַכן אַ ספּעקטאַקל, וווּ די דראַמע זאָל געשפּילט ווערן דורך די תלמידים פון דער ראַבינער־שול. דער פּלאַן פאָרצושטעלן אויף ייִדיש אַ דראַמע האָט אויסגעזען ווילד בײַ דער זשיטאָמירער אינטעליגענץ, אָבער מאַדאַם סלאָנימסקי איז פעסט באַשטאַנען דערויף דורכצופירן איר פּלאַן, אפשר האָט זי אַליין געקוקט אויף דעם ווי אויף אַ קוריאָז, נאָר דאָך האָט זי זיך דערפאַר גענומען מיט גרויס ענערגיע. זי האָט פונאַנדערגעטיילט די ראָלן, אָרגאַניזירט, רעפּעטירט, געזאָרגט פאַר פּאַסנדיקע דעקאָראַציעס און דער ספּעקטאַקל איז צושטאַנד געקומען אין קעגנוואַרט פון די לערערס פון דער ראַבינער־שול און פון דער איבעריקער זשיטאָמירער אינטעליגענץ. דער ספּעקטאַקל האָט געמאַכט אַ פּוראָר. די שילערס האָבן זייערע ראָלן גוט געשפּילט. נאָר מער פאַר אַלעמען האָט זיך אויסגעצייכנט גאָלדפאַדען, וואָס האָט געשפּילט די שווערסטע ראָלע — אַלס „סערקעלע".

סאַמבערג אַ. (יצחק אײַזיק סאַמבאָרעק)

געבוירן דעם 22טן פעברואַר 1889 אין וואַרשע, אין אַ בעל־הביתישער פאַמיליע. דורך זײַן פאָטערס קוזין, דעם אַקטיאָר און טעאַטער דירעקטאָר אברהם יצחק קאַמינסקי, איז ער אַרײַנגעפירט געוואָרן אין ייִדישן טעאַטער, וווּ ער דעביוטירט אין 1907 אין וואַרשעווער „זשאַרדן ד'היווער". זינט דעמאָלט בלײַבט סאַמבערג אַ לענגערע צײַט שפּילן דראַמאַטישע ראָלן, דערנאָך גייט ער איבער צו דער אָפּערעטע. זינט 1920 האָט ער פאַרוואָרפן דעם שונד־רעפּערטואַר און געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון וואַרשעווער „צענטראַל" טעאַטער, וווּ ער באַטייליקט זיך און פירט אויף דעם ריינעם ייִדישן און אייראָפּעיִשן רעפּערטואַר, צוציִענדיק אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט מצד דער פּרעסע און טעאַטער עולם אין דער טיטלראָל פון שלום אַשס „מאָטקע גנב" און פון גאָגאָלס „רעוויזאָר". אין 1923 איז ער אַרײַנגעטראָטן אין דער „ווילנער טרופּע" מיט וועלכע ער מאַכט מיט דעם טורנע איבער רומעניע, וווּ ער פירט אויף „דאָס גרויסע געווינס" פון שלום עליכם בערגערס „מבול" און מאָליערס „דער קאַרגער". אין 1928 קומט ער צוריק מיט דער „ווילנער טרופּע" קיין וואַרשע און טרעט אויף אונטער דער רעזשי פון מיכל ווײַכערט אין שלום אַשס „קידוש השם", אין פּרצס „בײַ נאַכט אויפן אַלטן מאַרק" און אין שעקספּירס „שײַלאָק".

אין 1923 קומט סאַמבערג אין אַרגענטינע טרעט אויף אין מײַ אין „אָלימפּאָ" טעאַטער אַלס „מאָטקע גנב" פירט אויף „דעם קאַרגן", „גאָט פון נקמה", „טאָג און נאַכט", „דאָס גרויסע געווינס", „שײַלאָק", „דער רעוויזאָר", „קידוש השם", „אונטערוועלט". פאָרט דערנאָך איבער די ייִדישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע און פון דאָרט קיין אורוגווײַ און בראַזיל. סאַמבערגס גאַסטראָלן אין בוענאָס־אײַרעס זענען אומפאַרגעסלעך פאַרן ייִדישן טעאַטער באַזוכער. צוריקקומענדיק אין וואַרשע, וווּ ער פירט אויף פּאָל לינדוים „פּראָקוראַטאָר האַלערס", גאַסטראָלירט ער דערנאָך אין ריגער ייִדישן מעוטים־טעאַטער און אין 1929 טרעט ער אַרײַן אין וואַרשעווער טעאַטער „נאָוואָשטשי" וווּ ער שפּילט אַלס „ראָבעספּיער" אין ווײַכערטס אויפפירונג פון „דאַנטאָנס טויט", אין 1930 טרעט ער אַרײַן אין „וניט" וווּ ער טרעט אַרויס אין קאַמינסקיס טעאַטער אין ד. בערגעלסאָנס „דער טויבער". אין 1932 איז ער אָפּגעפאָרן קיין נ' אַמעריקע וווּ ער האָט אויפגעפירט „דעם קאַרגן", „דעם טויבן", און אין ייִדישן קונסט טעאַטער „מאָטקע גנב". סאַמבערג האָט זיך אַלס איינציקער ייִדישער אַקטיאָר באַטייליקט אין פּוילישן פילם „פּאַן טאַדעוש" פון מיצקעוויטש, שפּילנדיק די ראָל פון „יאַנקל צימבאַליסט".

בעת דער נאַצי אָקופּאַציע, האָט זיך סאַמבערג געפונען אין וואַרשע, וווּ ער איז ווי אַ העלד און קדוש אומגעקומען אַלס אומקאָמפּראָמיסלעכער קעמפער פאַר דער ייִדישער ווערדע.

סעגאַלאָוויטש קלאַראַ (באָראָדינאָ)

געבוירן אין יאָר 1896 אין קיִעוו. דער פאָטער — אַ דאָקטאָר. קלאַראַ האָט געענדיקט גימנאַזיע אין טאַשקענט און באַזוכט פּעדאַגאָגישע קורסן. אין 1913 באַזעצט זיך די פאַמיליע אין טאָמאַשאָוו, וווּ קלאַראַ באַטייליקט זיך אין די פאָרשטעלונגען פונעם דראַמאַטישן קרײַז בײַם דאָרטיקן „הזמיר". אין 1922 איז זי געקומען קיין וואַרשע, וווּ זי ווערט באַלד אָנגענומען אין „צענטראַל" טעאַטער און זי טרעט דאָרט אַרויס אין די הויפּט־פּרויען־ראָלן פון אַשם „מאָטקע גנב" אַלס מערי — גאָגאָלס „רעוויזאָר", אָפּאַטאָשוס „היים בלוט" א"א. נאָכן פונאַנדערפאַלן פון „צענטראַל" טעאַטער, טרעט קלאַראַ אַרײַן אין אַנדערע דראַמאַטישע טרופּעס און, שפּילנדיק מיט א. מאָרעווסקי, ברענגט זי אַרויס די ראָל פון „נחמהלע" אין א. קאַציזנעס „דוכוס" ווי אַן אמתע קרעאַציע. אין 1930-1928 פאָרט זי אַרויס אין רומעניע, אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיע אונטער דער אָנפירונג פון אַלעקס שטיין. אין 1931 שפּילט זי אין „וונית" אין וואַרשע, אין בערגעלסאָנס „דער טויבער", אין באַבעלס „בעני קעניג", גאָלדפאַדענס „קוני לעמל". אין 1932 שפּילט זי אין וואַרשעווער „עליזעאום" אונטער מיכל ווײַכערטס אָנפירונג אין אַשס „רעוורענד זילבער", גאָטעספעלדס „פּרנסה" און אין לייוויקס „בעטלער". נאָך דעם איז זי אַרויסגעפאָרן איבער דער פּוילישער פּראָווינץ.

בעת דעם נאַצי־טעראָר איז זי געווען אין וואַרשע, פון וואַנעז זי איז אַוועקגעשלעפּט געוואָרן אין די קאַלכאַויוונס.

סענדיק איסר

געבוירן בערך אין 1871 אין וואַרשע, איידעם פון בונעם בדחן, געווען אַ פאָלקסזינגער און אין 1892 זיך באַטייליקט אין וואַרשע אין אַ טעאַטער אויפפירונג פון „יוסף מיט זײַנע ברידער". אַלס חבר פון א. י. קאַמינסקי, איז ער פונעם לעצטן אַרײַנגענומען געוואָרן אין זײַן טרופּע, וווּ ער האָט געשפּילט אַ קורצע צײַט און שפּעטער ווידער געוואָרן אַ פאָלקסזינגער. אויף דער עלטער געגאַנגען אויף חתונות און בריתן אין וואַרשע.

עפּשטיין פאַני וואַדיאַ

געבוירן אין יאָר 1868 אין וואַרשע. דער פאָטער — אַ שנײַדער. יונג געקומען מיט דער פאַמיליע קיין לאָנדאָן. אין 1885 טרעט זי אַרײַן אין סמיטס טעאַטער אַלס כאָריסטין.

וועגן איר פּריוואַטן לעבן ווערן דערציילט פאַנטאַסטישע עפּיזאָדן. דהיינו אַז אַ ווײַסער שקלאַפן־הענדלער האָט זי געבראַכט פון פּאַריז קיין באָמבײַ, אינדיע, און פון דאָרט האָט איר צוריקגעבראַכט קיין לאָנדאָן דער ענגלישער גובערנאַטאָר וואַדיאַ, וועלכער זאָל אפילו האָבן מיט איר חתונה געהאַט. שפּעטער האָט זי געעפנט אַ געשעפט פון דאַמען־קליידער און דורך זיגמונט פײַנמאַן צוריקגעקומען צו דער בינע, און איז מיט אים געפאָרן שפּילן יידיש טעאַטער אין דרום אַפריקע און אין 1909 אין בוענאָס־אײַרעס.

פּ. וואַלד שילדערט די דעמאָלטיקע פאַרהעלטענישן בײַם יידישן טעאַטער אין בוענאָס־אײַרעס אין צוזאַמענהאַנג מיט עפּשטיינס שפּילן.

„פאַני עפּשטיין האָט געשפּילט „מרים" וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס טרויעריקע לעבן אין „פריילעכן הײַזל". די „חברה־לײַט" האָבן נישט געוואָלט אויסזיצן די דראַמע און האָבן אָנגעהויבן אַ גערודער, דעמאָלט האָט אויסגעבראָכן דער ערשטער קאַמף מיט די פרויען־הענדלער. דער קאַמף האָט אַ צײַט אָנגעהאַלטן אין שטאָט. מען האָט זיך געשלאָגן אין די גאַסן און אויף די פּלאַסעס. עס זענען געקליבן געוואָרן אונטערשריפטן צו פאָדערן פונעם פּאַרלאַמענט די סאַנקציע פון פּאַלאַסיאָס אַנטי־פרויען־הענדלער־פּראָיעקט, עס זענען פון יוגנט־פאַראיין אָפּגעדרוקט געוואָרן פּלאַקאַטן פונאַנדערצוהענגען אויף אַלע הײַזער מיט דער אויפשריפט. אַז „דאָ ווערט נישט פאַרדונגען פאַר פרויען־הענדלער". און כאָטש די דאָזיקע פּלאַקאַטן זענען געבליבן ליגן אין לאָקאַל פון „יוגנט־פאַראיין" און דער גאַסנקאַמף מיטן „ייִחוס" האָט זיך געענדיקט „אָן זיגער און אָן באַזיגטע", איז דאָך דער טעאַטער געבליבן ריין פון זייער געביין. דער טעאַטער־גייער — אַ קולטורעל־דערהויבענער אַרבעטער — האָט זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן אויף דער גאָרדין „בריק" צווישן דער אַלטער אָפּערעטע און מאָדערנער דראַמע. ער האָט דאָך צוליב פאַני עפּשטיין גערן געזען „די קרײַצער סאָנאַטע", „מירעלע אפרת", „סאַפאָ", „מעדעאַ" ,און האָט אַריבערגעיאָגט אויף דער אַנדערער זײַט בריק צו הירשביין, אַש, פּינסקי, איבסען, מירבאָ. דער דאָזיקער שפּאַן איז געמאַכט געוואָרן אַזוי שנעל, אַז דער אַנסאַמבל האָט אים נישט געקענט נאָכגאַלאָפּירן, נאָר פאַני עפּשטיין האָט וווּנדערבאַר, לײַכט, קרעפטיק און גראַציעז זיך דורכגעטראָגן פאָרויס און באַגײַסטערט דורך אירע אויפטריטן אין נײַעסטן רעפּערטואַר. פאַני עפּשטיין האָט אַלץ נישט געקענט לייענען און שרײַבן אויף יידיש און נישט אויף קיין אַנדערע שפּראַך, פון די שפּראַכן וואָס זי האָט אַזוי פּערפעקט און חנעוודיק גערעדט. איר צימער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין חסידים־שטיבל פון אַרטיסטן־„ליבהאָבער" און קולטור־טוער, און דאָך האָט זי זיך געפילט עלנט, אײַנזאַם און האָט אין מינוטן שטילע, אינזיכיקע, האַרציק געוויינט".

פון בוענאָס־אײַרעס איז זי געפאָרן קיין לאָנדאָן, פּאַריז און דערנאָך — אין 1910 איז זי געקומען קיין וואַרשע. דאָ האָט איר שפּילן אַרויסגערופן פאַרשידענע מיינונגען. זי איז געלויבט געוואָרן פון ד"ר מוקדוני, נח פּרילוצקי און זלמן זילבערצווײַג און אַראָפּגעריסן געוואָרן פון דוויד פרישמאַן.

דעם 3טן פעברואַר 1913 איז פאַני וואַדיאַ עפּשטיין געשטאָרבן אין וואַרשע אין אַ קעלערשטיבל פון אירם אַן אָרעמען פעטער און דעם 26טן יוני 1913 האָט איטשעלע איסאַקסאָן פון „חסד של אמת" איר געשטעלט אַ מצבה.

עהרליך זיגמונט

געבוירן אין 1875 אין וואַרשע. דער פאָטער — אַ רעגירונגס־ליוועראַנט. געלערנט אין חדר, בית־מדרש און אין ישיבה. אַלס קינד געזונגען אין כאָר אין פּראַגע און דערנאָך בײַם חזן פאָגעלנעסט אין וואַרשע. דערנאָך געזונגען אין טעאַטער־כאָר און אויך אַרײַנגענומען געוואָרן פאַר קליינע ראָלן צו דער ספּיוואַקאָווסקי־פישזאָן טרופּע. ער איז אַוועק קיין רוסלאַנד, פון וואַנען דער פאָטער ברענגט אים צוריק, און שיקט אים צוריק אין בית־מדרש. פון מיליטער־דינסט אַנטלויפט ער קיין אויסלאַנד וווּ ער טרעט אין קראָקע אַרײַן אין אַ יידישער טרופּע, וווּ ער שפּילט אין פאַרשידענע טעאַטערס, שפּילט אין אַ דײַטשער וואַריעטע, ווערט אַ שותף, אין רומעניע שפּילט ער איז אַ קאַפּעהויז, נאָך דעם אין פּאַריז, לאָנדאָן, קאָלסבאַרד אין וואַריעטע, פּראָבירט ווידער אין לאָנדאָן צו שפּילן יידיש־טעאַטער, גיט קאָנצערטן, צום סוף געוואָרן אַ סוחר און דערנאָך אַ חזן.

אַדלער יוליוס

געבוירן געוואָרן דעם 15טן נאָוועמבער 1880 אין ביאַליסטאָק, בייַ עלטערן בעקער בעלי־בתים. אַלס קינד פון 6 יאָר האָט ער שוין אין שטוב אייַנגעאָרדנט אַ פורים־שפּיל „אחשורוש", און ער האָט געשפּילט אַלס „המן". צו 9 יאָר געוואָרן משורר בייַ אַ חזן, און באַרימט געוואָרן אַלס „יודקע אַלט".

אין 1891 קומט קיין ביאַליסטאָק אַ טרופּע פון בראָדער זינגער, און אַדלער טרעט צו זיי אַרייַן אַלס „פּרימאַדאָנע". אויף אַ קורצע צייַט גייט ער איבער אין אַ רוסישער אָפּערעטן־טרופּע, און ווערט אויך דיריזשאָר פון כאָר אין אַ גרויסער שיל, באַלד דערנאָך טרעט ער אַרייַן אין דער טרופּע פון דוויד שוואַרצבאַרד אַלס אַקטיאָר, און פון דאָרט אין דער טרופּע פון אברהם יצחק קאַמינסקי, וועלכע שפּילט אין דער סביבה פון ביאַליסטאָק. אין דער דאָזיקער טרופּע איז אַדלער אַקטיאָר ,כאָרמייַסטער און פון צייַט צו צייַט דיריגענט.

נאָכן וואַנדערן אייניקע יאָר מיט קאַמינסקין און שפּעטער מיט פּישזאָנס טרופּע ,ווערט אַדלער, אַליין אַן אונטערנעמער פון טרופּעס איבער רוסלאַנד. אין 1904 פאָרט אַדלער קיין נ' אַמעריקע צו זייַן פאַמיליע. אין 1907 קומט אַדלער קיין וואַרשע, און שפּילט אין „זשאַרדען ד'היוער" מיטברענגענדיק צום ערשטן מאָל אין אייראָפּע דעם אַמעריקאַנער רעפּערטואַר פון גאָרדין, ליבין, קאָברין און זאָלאָטאַרעווסקי, דערנאָך פאָרט ער אַרום גאַסטראָלירן איבער פּוילן און ליטע.

אין 1909 פאָרט אַדלער צוריק קיין אַמעריקע און נאָכן שפּילן אַ סעזאָן בייַ מייק טאָמאַשעווסקי קומט ער ווידער קיין פּוילן, שפּילט אַ סעזאָן אין לאָדזשער גרויסן טעאַטער בייַ זאַנדבערגן, און מאַכט ווידער אַ טורנע איבער רוסלאַנד. אין 1912 פאַרוואַנדלט ער צוזאַמען מיט ליפּאָווסקין דעם לאָדזשער צירק־בנין פאַר אַ ייִדיש טעאַטער, רעזשיסירט און שפּילט אין די העברעיִשע אויפפירונגען פון „אוריאל אַקאָסטאַ" און הערצלס „נייַע געטאָ" אין לאָדזש, וואַרשע און אין ווין.

אין 1920 איז אַדלער אָפּגעפאָרן אין נ' אַמעריקע, שפּילט אין באָסטאָן ,לאָס אַנדזשעלעס אין ייִדישן קונסט־טעאַטער ,אין קאַנאַדע ,אַרגענטינע און בראַזיל. אין 27—1928 גאַסטראָלירט ער אין פראַנקרייַך, בעלגיע, דייַטשלאַנד און רוסלאַנד. ווערט דירעקטאָר פון „נייַעם ייִדישן טעאַטער" אין ריגע, און אין 1929 גאַסטראָלירט ער אין קאָוונע.

אויסער אַרטיקלען וועגן טעאַטער און זכרונות האָט אַדלער אָנגעשריבן די ווייַטערדיקע פּיעסעס וואָס זענען געשפּילט געוואָרן:

„דאָרפסליבע", „דאָס צווייטע ווייַב", „די מומע גענענדל" (באַאַרבעט), „די שיינע בערטע", איבערגעזעצט זאַפּאָלסקאַס, „זאַלבעפערט", סטרינבערגס „פאָטער", איבסענס „גייַסטער", קאַלמאַנס אָפּערעטע „די טשאַרדאַש פירשטין" און די דראַמע „דער חבר" פון לעוויטינאַ.

אין וואַרשע האָט ער געשמט מיט זייַן „ישיבה בחור", „תלמיד חכם", „קין", „אָטעלאָ„. דער שוין איצט 75 יעריקער יוליוס אַדלער שפּילט נאָך אַלץ ייִדיש טעאַטער אין ניו יאָרק ווו ער גיט זיך אויך אָפּ מיט שרייַבן זכרונות.

בערמאַן אַדאָלף

געבוירן דעם 27טן נאָוועמבער אינעם יאָר 1872 אין וואַרשע, בייַ אַ פאָטער אַ שנייַדער. געענדיקט אַ זונטיקדיקע האַנדלסשול, אַלס ייִנגל געזונגען אין דער טלאָמאַצקער כאָרשול, און פון דאָרט האָבן אים גאָלדפאַדען און טאַנצמאַן אַרייַנגענומען אין קינדערכאָר אין טעאַטער „עלדאָראַדאָ". אין 1892 צוזאַמען מיט טיטעלמאַן, ליבערט, אברהם יצחק קאַמינסקי, אסתר רחל קאַמינסקי, ראָטשטיין און זילבערבערג אָנגעהויבן צו שפּילן אויף דער יודישער בינע אין וואַרשע ,בייַ דער רוסישער דירעקטאָרשע אָלגינסקאַיאַ. בערמאַן האָט געשפּילט אין פאַרשידענע טרופּעס, און בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה גרינדעט ער צוזאַמען מיט ראָטשטיינען און פּישעוויטשן אַ ייִדיש טעאַטער אויף טוואַרדע 7, ווו עס קומט אים אויך אויס צו שפּילן — צוליב דער גזרה אויף ייִדיש — ייִדישע פּיעסעס אויף פּויליש. נאָך דער מלחמה שפּילט ער אַ געוויסע צייַט מיט אסתר רחל קאַמינסקי, דערנאָך אין רעווי טעאַטער „סמבטיון" און פאָרט אַרום איבער פּוילן מיט אַ טרופּע.

נאָך דער נאַציִשער אָקופּאַציע האָט אַדאָלף בערמאַן זיך געפונען אין וואַרשעווער געטאָ ווו ער איז אינגיכן געשטאָרבן.

הערמאַן דוויד

געבוירן אין יוני 1876 אין וואַרשע, בייַ חסידישע עלטערן. געלערנט אין חדר, דערנאָך אין בית־מדרש. אונטער דער השפעה פון דער השכלה־ליטעראַטור אָנגעהויבן אַרייַנצופאַלן אין ספקות, געוואָרן אַן אפּיקורס, און צו 18 יאָר אָנגעהויבן אין געהיים לערנען לימודי־חול. באַלד אָנגעהויבן שרייַבן אין פּויליש און העברעיִש (איגנאָרירנדיק ייִדיש), אַרויסגעטראָטן מיט פאָרלעזונגען און דעקלאַמאַציעס אין פּריוואַטע לאָקאַלן. אַרייַנגעצויגן געוואָרן אין אַ ייִדיש־אַסימילירטער און קריסטלעכער סביבה, באַקומט ער פון זיי פינאַנציעלע מיטלען פאָרצוזעצן זייַן שטודיום אין פּויליש און פאָרט קיין קראָקע, ווו ער דערנענטערט זיך דווקא צו דער ייִדישיסטישער ריכטונג און מאַכט זיך פאַר אַן אויפגאַבע צו הייבן דעם ניוואָ פון ייִדישן טעאַטער. צו דעם צוועק טרעט ער אַרייַן אין דער וואַרשעווער פּוילישער דראַמאַטישער שול, וועלכע ער ענדיקט אַלס רעזשיסער.

אין 1903 אָרגאַניזירט ער אַ דראַמקרייַז ,מיט וועלכן ער פירט אויף אין 1907 אין וואַרשעווער טעאַטער „לעטני" פּרצעס „ס'ברענט" און „שוועסטער", שלום עליכמס „מזל טוב" און אַשס „מיטן שטראָם". אין פרילינג 1908 רעזשיסירט ער אין אַ לאָדזשער דראַמאַטישן קרייַז פּרץ הירשביינס „תקיעת כף" וואָס ווערט אויפגעפירט מיטן אָנטייל פון מחבר, און פּלאַנט צוזאַמען מיט הירשביינען צו גרינדן אַ „ליטעראַריש־דראַמאַטישן טעאַטער", וואָס ווערט אָבער נישט פאַרווירקלעכט.

הערמאַן פאָרט קיין ווין ווו ער אָרגאַניזירט אַ טרופּע, וועלכע פירט אויף אין דייַטש ייִדישע ליטעראַרישע פּיעסעס, נאָך 3 חדשים שפּילן האָט די דירעקציע פון דעם טעאַטער באַנקראָטירט.

צוריקגעקומען קיין רוסלאַנד ,פירט ער אויף מיט דער הירשביין־טרופּע אייניקע פּיעסעס, און עפנט דערנאָך אין וואַרשע צוזאַמען מיט פּרצן און ד"ר מוקדוני די ערשטע ייִדישע דראַמאַטישע שול, פון וועלכער עס זענען אַרויס זיגמונט און יאָנאַס טורקאָוו, יעקב ווייַסליץ און אַנדערע פּראָפעסיאָנעלע ייִדישע אַקטיאָרן.

בעת די „ווילנער־טרופּע" קומט קיין וואַרשע, טרעט ער אין

אין אַרײַן און צוזאַמען מיט זײַנע תלמידים נאָרוויד, טאָרלאָ, מרים שוך און שידלאָ, פירט ער דאָרט אויף הירשביינס „נבלה", שניצלערס „ליבעלײַ", הירשביינס „תקיעת כף" און אנסקיס „דיבוק".

הערמאַנס רעזשי־קאָנצעפּסיע פון „דיבוק" ווערט דערנאָך קאָפּירט בײַ פאַרשידענע „דיבוק"־אויפפירונגען, אויף די יידישע און נישט־יידישע בינעס. דערנאָך פאָרט ער מיט א טייל פון דער „ווילנער־טרופּע" גאַסטראָלירן איבער מערב־אייראָפּע. צוריקגעקומען קיין וואַרשע, גרינדעט ער צוזאַמען מיט ווײַכערטן א נײַע דראַמאַטישע סטודיע, און דערנאָך ווערט ער ווידער רעזשיסער אין דער ווילנער טרופּע, וואָס איז געבליבן אין פּוילן. די לעצטע צײַט רעזשיסירט אין נאָרד־אַמעריקע און דאָרט געשטאָרבן.

נאָזשיק יצחק

געבוירן דעם 23טן אַפּריל 1889 אין וואַרשע. די מוטער — א סוחרטע, דער פאָטער — א לערנער, א מתמיד. געלערנט תנך און גמרא, און פּריוואַט א ביסל רוסיש, דײַטש און רעכענען. געלערנט אין די ישיבות פון סוואַלק, לאָמזשע און וואַרשע. צוליבן לייענען סאָציאַליסטישע ליטעראַטור דערווײַטערט געוואָרן אין 1903 פון דער וואַרשעווער ישיבה, אַרײַן אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, געלייענט פאַר אַרבעטער־קרײַזלעך ליטעראַטור און געזונגען פאַר זיי אַרבעטער־לידער. אין 1905, צופעליק בײַגעוווינט די עפענונג פון יידישן „באַגאַטעלאַ"־טעאַטער אין וואַרשע, און פון דעמאָלט אָן געוואָרן א שיק יינגל בײַ די בינע־אַרבעטער און אַקטיאָרן, דערנאָך א סטאַטיסט. אין 1906 געשפּילט קליינע ראָלן אין וואַרשעווער „זשאַרדען ד'היווער", ווו ער האָט שפּעטער אויך געמוזט סופלירן. דאָ האָט נאָזשיק ,איבערשרײַבנדיק דעם פאַרדײַטשמערישטן רעפּערטואַר, א סך טעקסטן „פאַריידישט" און אפילו געשטראָכן און צוגעגעבן אייגענע סצענקעס. אין 1908 אַרײַנגעטראָטן אַלס אַקטיאָר צו קאָמפּאַניעצן אין וואַרשעווער „מוראַנאָווער" טעאַטער, דערנאָך צו סעם אַדלערן — מאָקאָטאָווסקע 137 — דערנאָך געוואַנדערט מיט טרופּעס איבער דער פּראָווינץ אין פּוילן און ווײַסרוסלאַנד. נאָזשיק האָט אָנגעשריבן זייער א סך פּיעסעס, רעווינומערן און איינאַקטערס, פאַרעפנטלעכט פיל אַרטיקלען וועגן טעאַטער בכלל און פּראָפעסיאָנעלע יידישע טעאַטער־ענינים בפרט. ער איז געווען מערערע מאָל פאָרזיצער ,וויצעפאָרזיצער און סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן יידישן אַרטיסטן־פאַריין אין פּוילן. געשטאָרבן אין ישראל.

אידאַ קאַמינסקאַ

די טאָכטער פון דער „מאַמען פון יידישן טעאַטער", האָט שוין גאָר יונג אויפגעטראָטן אויף דער יידישער בינע צוזאַמען מיט איר באַרימטער מוטער און דער נאָך אויך מיט זיגמונט טורקאָוו, איר שפּעטערדיקן מאַן. (זע זיגמונט טורקאָוו) איצט פאַרנעמט אידאַ קאַמינסקאַ אַן ערשט ראַנגיק פּלאַץ אין יידישן טעאַטער אין פּאָלקס־

פּוילן, ווו זי פירט אָן מיטן יידישן מלוכה־טעאַטער און פאַרנעמט אַליין דעם אויבנאָן צווישן די יידישע שוישפּילער. אין 1948 האָט קאַמינסקאַ אויפגעפירט א ווערק וואָס האָט זי באַרימט געמאַכט נאָך מיט 10 יאָר צוריק אין דעמזעלבן לאָדזש. דאָס איז געווען די פּיעסע אויף א היסטאָרישער טעמע פון דער כמעט לעגענדאַרער „גליקל פון האָמעלן" פון דעם מחבר מ. בוימאַן. קאַמינסקאַ האָט אין ביידע פאַלן געשפּילט די הויפּטראָל און געהאַט גרויס דערפאָלג. זי שפּילט א רײַכן רעפּערטואַר פון יידישע און פּוילישע מחברים און אָפט איבערזעצט זי און באַאַרבעט אַליין די ווערק. זי איז א מיטגליד אין אויפזיכטסראַט פון יידישן מלוכה־טעאַטער וואָס גיט אַכטונג אויפן רעפּערטואַר.

ראָטבוים יעקב

געבוירן אין וואַרשע אין 1900, געלערנט אין קרינסקיס גימנאַזיע און אויך שטודירט מאַלערײַ און טעאַטער־קונסט. פאָרט דערנאָך אָפּ אין ראַטן־פאַרבאַנד ווו ער לערנט אויף רעזשיסאָר און נאָכן פאַרענדיקן דעם שטודיום קערט ער זיך אום קיין וואַרשע.

א דאַנק דעם וויסן וואָס ער האָט דערוואָרבן אין ראַטן־פאַרבאַנד רעזשיסירט ער אין וואַרשע „שרײַ כינע" און אַנדערע מאָדערנע פּיעסעס, וואָס ער האָט גאַנץ אָריגינעל אויפגעפאַסט. אין 1937 פירט ער אויף אין „נאָוואָשטשי" גאָלדפאַדענס „די כישוף־מאַכערין" אין דער באַאַרבעטונג פון איציק מאַנגער און מיט מוזיק פון הענעך קאָן. נאָכן גרויסן דערפאָלג פון דער פּיעסע הייבט די טרופּע אָן זיך רופן „טעאַטער פאַר יוגנט" וואָס ווערט דערנאָך א שם דבר.

מלחמה־צײַט געפינט זיך ראָטבוים אין אויסלאַנד און ער האַלט זיך אויף א קורצע צײַט אין בוענאָס־אײַרעס ווו ער רעזשיסירט אין „איפט"־טעאַטער. ווען עס אַנטשטייט דאָס נײַע פּוילן פאָרט ראָטבוים אַהין און פאַרנעמט גלײַך א בכבודיקן אָרט אין דאָרטיקן טעאַטער־לעבן. ער רעזשיסירט דראַמקרײַזן, ווי דער פון שטשעטשין. אגב איז ער שוין א סך פריער געווען רעזשיסאָר פון דראַמסעקציע בײַם טעקסטיל־פאַראיין.

אין דעם „נידערשלעזישן יידישן טעאַטער" פירט ראָטבוים אויף ראָבלעסעס „דער גרויסער ניסיון" וואָס שילדערט דעם קאַמף קעגן שפּאַניע אין דרום־אַמעריקע. דאָס דאָזיקע טעאַטער צוזאַמען מיטן יידישן טעאַטער אין לאָדזש איז אין 1950 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין יידישן מלוכה־טעאַטער פון פּוילן מיט די אייגענע געביידעם אין לאָדזש און אין ווראָצלאַוו. ראָטבוים געהערט צום אויפזיכטסראַט, ווו ס'גייען אַרײַן נאָך צוויי מיטגלידער מירסקי און ד"ר ספּאַרד.

ראָטבוים רעזשיסירט אויך אויף דער פּוילישער בינע פאַר וואָס ער האָט באַקומען אויסצייכענונגען פון דער פּוילישער מלוכה.

משה פלאָרמאַן (בוענאָס־אײַרעס)

דאָס יאָר 1905 אין וואַרשע

> געזען מיט די אויגן פון אַ 5 יעריק ייִנגל, „ווי אַזוי סיהאָט זיך אײַנגעקריצט אין מײַן קינדערשן זכרון דער אויפשטאַנד קעגן צאַר אין וואַרשע אין יאָר 1905".

פון מײַנע צוויי שטיפברידער האָט איינער געהייסן שלמה און איז עלטער געווען פון מיר מיט 8 יאָר און דער צווייטער גרשון און איז עלטער געווען פון מיר מיט פערצן יאָר.

מײַן טאַטע האָט גרשונען גערופן דער לײדיק־גייער, ווײַל דער פאַבריקאַנט פון פרויען־בײַטלען וווּ גרשון האָט געאַרבעט, האָט געזאָגט צו מײַן שטיפטאַטן, אַז „אײַער גרשון וועט שוין קיין לײַט נישט זײַן, ווײַל איין טאָג אַרבעט ער יאָ און דרײַ טעג נישט און דאַכט זיך אַז ער גיט זיך אויך אָפּ מיט די ציציליסטן (סאָציאַליסטן)". מײַן שטיפטאַטע איז געוואָרן אויפגעבראַכט! ער קלאַפּט זיך אין האַרץ און שרײַט: „נאָך ווייניק וואָס מיר די פאַמיליע, ווייסן אַז גרשון גייט אין שלעכטע וועגן, ווייסן דאָס שוין פרעמדע מענטשן אויך". אָבער זיכער איז מײַן שטיפטאַטע נאָך אַלץ נישט געווען בײַ זיך, צי עס איז אמת, אַז דער שטילער גרשון זאָל אים אַזוי פאַרשעמען. און רעדנדיק צו זיך אַליין, האָט ער געזאָגט: איך וועל קיינעם נישט גלייבן, ביז איך וועל אַליין פרעגן מײַן גרשונען, צו דאָס איז אמת וואָס מענטשן זאָגן און אויב גרשון וועט מיר פאַרזיכערן אַז דאָס איז ליגן, וועל איך קיינעם נישט גלויבן נאָר אים. און גרשון האָט מײַן שטיפטאַטן פאַרזיכערט אַז ער איז „גאָט די נשמה שולדיק" און ער האָט אים געגלויבט. אָבער לאַנג האָט די פאַרזיכערונג נישט אָנגעהאַלטן, אין גאַנצן אַ פּאָר וואָכן, דאָס הייסט ביז דעם טאָג ווען דער צאַר האָט דערשטיקט די רעוואָלוציע. (פון 1905)

אין יענעם טאָג האָט מײַן מאַמע רבקה, ווי שטענדיק, גענומען דאָס פלאַכע פּירקאַנטיקע שטרויענע קיישל מיט צוויי אויערן און איז געגאַנגען אין גאַס אַרײַן עפּעס קויפן צום עסן. איך בין דעמאָלט אַלט געווען פינף יאָר און איך האָב געוואָלט מיטגיין מיט דער מאַמען, אָבער זי האָט זיך פריִער אָנגעפרעגט בײַ מײַן שטיפטאַטן. (אגב האָב איך אים גערופן טאַטע, ווײַל ווען איך האָב אים דערקענט, בין איך געווען צוויי און אַ האַלב יאָר): „אברהם, זאָל איך משהן מיטנעמען אין אַזאַ טאָג ווי הײַנט?" מײַן טאַטע ענטפערט קורץ: „אַז דו ווילסט, נעם אים מיט!"

מיר זענען אַרויס פון דעם גרויסן דורכגאַנגס־הויף וווּ מיר און נאָך עטלעכע הונדערט פאַמיליעס האָבן געוווינט, און פון וווּ מ'האָט געקאָנט אַרויסגיין סײַ אויף וואָלאָווע 8 און סײַ אויף פראַנצישקאַנער 29. אין איין האַנט האַלט מײַן מאַמע דאָס שטרויענע קיישל און אין דער צווייטער מײַן האַנט און אַזוי גייענדיק זאָגט זי צו מיר, „אויב די קלייטן זענען פאַרמאַכט, איז אומזיסט אונדזער גיין!", אַזוי ווי מיך וואָלטן די קלייטן מער אינטערעסירט, ווי דאָס גיין שפּאַצירן מיט דער מאַמען. פאַר מיר איז דאָס נישט געווען מער ווי אַ שפּאַציר. אָבער — זאָגט מײַן מאַמע צו מיר: „מען דאַרף צוגיין אויף גענשע נומער 4 אין די כשרע יאַטקעס, אפשר וועט מען דאָרט קריגן צו קויפן עפּעס עסן" אַזוי האָט זי גערעדט צו מיר ווי צו אַ דערוואַקסענעם מענטש, וואָס ווייסט איר צו ענטפערן יאָ, אָדער ניין. ווען מיר זענען צוגעקומען אויף דער פראַנצישקאַנער־גאַס, צווישן 35 און 37, האָבן זיך פּלוצלונג מיט איין מאָל געגעבן אַ פאַרקלאַפּ אַלע טויערן און שוין האָט מען נישט געזען קיין איין מענטש אויף דער גאַס. מיר זענען צו צום טויער נומער 37, פּרובירט קלאַפּן, שרײַען, מען זאָל אונדז אַרײַנלאָזן, אָבער אומזיסט אונדזער קלאַפּן און שרײַען. מיר בלייבן שטיין אין אַ ווינקל לעבן טויער אויף דער גאַס אומבאַהאָלפן. פון דער באָניפראַטן־גאַס האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר צענדליק צעווילדעוועטע קאָזאַקן מיט איינעם פאָרויס און ווי אַ בליץ זענען זיי שוין געווען לעבן אונדז. איינער פון די קאָזאַקן האָט זיך געשטעלט אַ פּאָר מעטער פון אונדז מיט דער ביקס אויסגעשטרעקט צו מײַן מאַמען און ער באַוועגט דאָס שלאָס פון דער ביקס צום שיסן. איך פיל ווי מײַן מאַמעס האַנט ציטערט וואָס אַ מאָל שטאַרקער און ווערט לויזער און לויזער ביז זי לאָזט אַרויס מײַן האַנט, אַזוי ווי זי וואָלט זיך געזעגנט מיט מיר מיט די נישט דערזאָגטע ווערטער: „איך בין שוין פאַרלוירן בלײַב דו, מײַן קינד, כאָטש לעבן"; אָבער דאָ איז געשען אַ נס. איבערגעשראָקענע פון די אַרבעטער־לאָזונגען, און פון די מעכטיקע הוראַ־געשרײַען וואָס האָבן זיך צו אונדז דערטראָגן פון די אַרבעטער דעמאָנסטראַציעס, אויף די נאַלעווקעס, אין דער זײַט צו מוראַנאָוו, האָבן די צעווילדעוועטע קאָזאַקן זיך אַ לאָז געטאָן אין יענער ריכטונג צו די מאַניפעסטאַנטן, איבערלאָזנדיק אונדז אומבאַרירט. און באַלד זעען מיר צעבלוטיקטע, אָפּגעריסענע און מיט בלויע צייכנס באַדעקטע מאַניפעסטאַנטן, פון וועלכע יעדער איינער זוכט אַ פּלאַץ זיך אויסצובאַהאַלטן כדי נישט דערשאָסן צו ווערן, אָדער אין בעסטן פאַל, נישט צו קריגן מיט אַ שווערד אָדער נאַהייקע איבערן קערפּער. עס ווערט אַ געמיש פון ביקסן־שאָסן, שווערדן, נאַהייקעס, בלוט, מיט נאָך נישט אין גאַנצן דערשטיקטע אַרבעטער־לאָזונגען: „נידער מיטן צאַר! זאָל לעבן די פרײַהייט!

בײַם טויער פון פראַנצישקאַנער נומער 34 זע איך לויפן אַ מאַניפעסטאַנט און עס יאָגט אים נאָך אַ קאָזאַק. לויטן בליק זעט ער אויס צו זײַן גרשון, אָבער ווי אַזוי קען דאָס זײַן גרשון, קען מײַן קינדערשער מוח נישט פאַרשטיין. גרשון גייט דאָך אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַ ייִדיש היטל, און דאָ האָב איך אים געזען אין אַ קורץ רעקל און אָן אַ היטל און ער איז עפּעס גרעסער געוואָרן. אָבער ווען איך קוק זיך גוט צו, זע איך אַז איך האָב קיין טעות נישט געהאַט. דאָס איז גרשון, מײַן שטיפברודער, שוין מיט אַ נישט־קשהדיקן פלעק אויפן פּנים.

דער קאָזאַק גיט גרשונען אַ שמיר מיט דער נאַהייקע איבערן קאָפ, גרשון גיט זיך אַ האַסטיקן שטעל אָפ בייַ דער וואַנט, כדי דער קאָזאַק זאָל דורך לויפן און אים אויסמייַדן. פון קאָזאַקס שנעלן ווערן זיך אייַנהאַלטן לעבן גרשונען, כדי אים צו כאַפן, האָט זיך דאָס פערד אויסגעגליטשט, נאָר באַלד איז עס צוריק געשטאַנען אויף די פיס, אָבער גרשון איז שוין געווען אין דער גרופּע מאַניפעסטאַנטן וואָס האָבן זיך געלאָזט צום טויער פון פראַנציסקאַנער 34, ווו איך מיט מייַן מאַמען זענען נאָך אַלץ געשטאַנען ווי פאַרגליווערט. די מאַניפעסטאַנטן האָבן אויפגעריסן דאָס טויער און מיר זענען אַלע אַרייַן אין הויף. סאָלדאַטן און פּאָליציי האָבן געשלאָגן ווי עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אַ סך אַרבעטער האָט מען אַרעסטירט. איך מיט מייַן מאַמען און אַ פּאָר צענדליק אַרבעטער, און גרשון צווישן זיי, זענען אַרייַן אין הויז פון טויער, איך געדענקט נישט צי אויפן צווייטן אָדער דריטן שטאָק האָבן די אַרבעטער זיך גענומען אַרויפכאַפן אויפן בוידעם, איך און מייַן מאַמע זענען אויפן בוידעם נישט אַרויף, ווייַל עס איז נישט געווען קיין טרעפ נאָר אַ צעבראָכענע לייטער צום אַרויפקריכן, זענען מיר געבליבן שטיין לעבן בוידעם צווישן צוויי טירן, וואָס האָבן געפירט צו וווינונגען. אין הויז זענען די סאָלדאַטן נישט אַרייַן, זיי זענען געבליבן אויפן הויף און געשאָסן אין הימל אַרייַן.

גרשון, ווען ער איז אַרייַן אין טויער האָט אונדז, מיך מיט מייַן מאַמען, באַמערקט, אָבער ער האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט, ווייַל ער האָט געמיינט, אַז מיר זעען אים נישט, אָבער ווען ער האָט זיך שוין אַ ביסל באַרויִקט פון דער איבערלעבונג, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט בייַ דער עפענונג פון בוידעם דורך וואַנען ער איז אַרייַנגעקראָכן און אַראָפגעקוקט צו אונדז. ער וואָלט אונדז זיכער צוגעהאָלפן זיך אויסצובאַהאַלטן, ווען נישט די זיכערקייט זייַנע, אַז מיר האָבן אים נישט געזען. גרשון, באַמערקנדיק אַז איך גיי ווייַזן מייַן מאַמען, אַז ער קוקט אַראָפ פון בוידעם, האָט צוגעלייגט זייַן ווייַזפינגער צום מויל, וואָס דאָס האָט געמיינט אַ צייכן אַז איך זאָל שווייַגן. מייַן מאַמע איז צוגעגאַנגען צו איינע פון די צוויי טירן און האָט גענומען קראַצן מיט די נעגל די טיר, קלאַפן אָדער שרייַען האָט זי מורא געהאַט, די סאָלדאַטן אויפן הויף זאָלן נישט דערהערן. מיר דערהערן טריט פון אינעווייניק, מייַן מאַמע רעדט אַרייַן אַזוי שטיל אַז עס דאַכט זיך אַז זי אַליין הערט נישט וואָס זי זאָגט. „מענטשן, איך בעט אייַך, לאָזט מיך אַרייַן, איך שטיי דאָ מיט אַ קינד!”. מען עפנט אונדז די טיר און מיר גייען אַרייַן אין שטוב, די גוטע מענטשן גיבן אונדז צוויי שטולן צום זיצן. „זייער גוט האָבן זי געטאָן — זאָגט אַ פרוי צו מייַן מאַמען — וואָס זי האָבן נישט געקלאַפט אין דער טיר, ווייַל ווען זי וואָלטן געקלאַפט, וואָלטן מיר געמיינט אַז דאָס קלאַפן סאָלדאַטן און מיר וואָלטן די טיר נישט געעפנט”. די פרוי פרעגט זיך בייַ מייַן מאַמען פאַרשידענע זאַכן, און מייַן מאַמע ענטפערט נישט, נאָר זי וויינט. די מענטשן, וואָס האָבן אונדז אַרייַנגענומען צו זיך אין שטוב, זעען, אַז מייַן מאַמע קען זיי נישט ענטפערן, גייען זיי אַרייַן אין אַ צווייטן צימער און לאָזן אונדז אַליין. מייַן מאַמע האָט זיך באַרויִקט און זי גיט אַ קוק אין מייַן זייַט און זאָגט צו מיר האַלב־וויינענדיק: „גאָט צו דאַנקען וואָס מיר זענען לעבן געבליבן”. זי נעמט מיך אַרום און גיט מיר אַ קוש. „און איצט — זאָגט מייַן מאַמע — וואָלט איך וועלן דערלעבן די גליקלעכע מינוט, אַז מיר זאָלן שוין זייַן אין דער היים צוזאַמען מיט אַלע!”. דער זאָג „אין דער היים” האָט אַ ביסל שאָקירט מייַן קינדערשע נשמה און איך פרעג בייַ מייַן מאַמע: „מאַמעלו! גרשון וועט אויך אַ היים גיין מיט אונדז?”. מייַן מאַמע צעלאַכט זיך און זי פרעגט מיך צי איך האָב אויך געזען גרשונען? אוודאי האָב יאָך אים געזען, זאָג איך צו מייַן מאַמען און איך דערצייל איר אַלץ וואָס איך האָב געזען. „זיכער — זאָגט מייַן מאַמע — וועט גרשון מיטגיין מיט אונדז, אויב ער וועט נאָך נישט האָבן פריִער אַראָפגעקראָכן פון בוידעם און אַוועקגעגאַנגען, ער איז דאָך אויסער געוויינלעך פלינק. איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן, ווי אַזוי דער ווילדער קאָזאַק האָט אים נאָכגעיאָגט און איך בין שיִער דערשטיקט געוואָרן פון נישט קענען אים העלפן כאָטש מיט אַ געשרייַ, און ווען נישט זייַן פלינקייט, ווער ווייס ווי אַזוי ער וואָלט זיך אַרויסגעדרייט פון קאָזאַקס קלעפ!”

עס קומט אַרייַן פון צווייטן צימער די זעלבע פרוי און זי זאָגט צו מייַן מאַמען: „זי ווילן עפעס זעען?” און זי רופט צו מייַן מאַמען צום פענצטער, וואָס איז געווען צו דער גאַס און ווייַזט איר אַז מען האָט שוין געעפנט די טויערן און מענטשן גייען שוין אין גאַס, אַזוי ווי עס וואָלט קיין מאָל קיין דעמאָנסטראַציע נישט געווען. מייַן מאַמע דערפרייט זיך זעענדיק אַז מ'קען שוין אַהיים גיין און זי נעמט מיך בייַ דער האַנט און געזעגנט זיך און זי דאַנקט די גוטע מענטשן פאַרן אַרייַנלאָזן אונדז צו זיך אין שטוב.

ווען מיר גייען אַראָפ די טרעפ שטייט גרשון שוין אין דעם קורצן רעקל ווי פריִער, נאָר אין דער לאַנגער קאַפּאָטע מיטן ייִדישן היטל אויפן קאָפ, אָבער מיטן זעלבן בלויען צייכן אויפן פּנים, וואָס ער האָט נישט געקענט איבערבייַטן און ער וואַרט אויף אונדז. „פון וואַנען קומסטו דאָ אַ הער?”, פרעגט אים די מאַמע, זיך מאַכנדיק נישט ווייסנדיק וואָס עס איז פאָרגעקומען. „איך וואַרט אויף אייַך” -- זאָגט גרשון דרייסט און כאַפנדיק מיך אויף דער האַנט, לויפט ער אַראָפ פון אַלע טרעפ ביז אויף דער גאַס, ווו ער בלייבט שטיין און וואַרט אויף מייַן מאַמען. „מומע! — זאָגט ער צו מייַן מאַמען — דו דאַרפסט שנעל אַהיים גיין מיטן קינד, ווייַל מיט דעם האָט עס זיך נאָך נישט געענדיקט! עס וועלן זיכער פאָרקומען נאָך מאַניפעסטאַציעס”. ער שטעלט מיך צו צו מייַן מאַמען און ער זאָגט צו איר: „מומע, גיי שנעל אַהיים” — און ער וויל זיך לאָזן אין אַ צווייטער ריכטונג. „איך וועל דיך אין ערגעץ נישט לאָזן גיין, איצט מוזט דו גיין מיט מיר — אַמפערט זיך מייַן מאַמע מיט אים. — מיט אַזאַ בלויען פלעק אויפן פּנים וועט מען דיך באַלד דערקענען, אַז דו ביסט אַ מאַניפעסטאַנט און מען וועט דיך גלייַך אַרעסטירן!” — פּרובירט מייַן פרומע מאַמע, וואָס איז אין גאַנצן עלטער געווען מיט צען יאָר פון איר נישט־שרעקעוודיקן און אַנטירעליגיעזן שטיפזון, אָננעמען גרשונען בייַ דער האַנט און לאָזט אים נישט אָפ, כדי מיט אים צוזאַמען אַהיים צו גיין. אָפגייענדיק אַ שטיקל וועג, נעמט גרשון זיך בעטן בייַ מייַן מאַמען, אַז זי זאָל אים אָפּלאָזן. „אין אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכן טאָג ווי עס איז הייַנט פאַרן אַרבעטער־קלאַס — זאָגט ער שוין אָפן און דרייסט — קען איך זיך נישט דערלויבן אַהיים צו גיין און נאָך מיט אַזוי פיל פליכטן וואָס איך האָב אויף זיך גענומען”. און מיט נאָך פאַרשידענע אַרגומענטן פּרובירט גרשון געבן צו פאַרשטיין מייַן מאַמען, אַז ער קען נישט אַהיים גיין. עס איז אומזיסט גרשונס רעדן, מייַן מאַמע האַלט זיך בייַ דאָס איריקע. „איך וויל נישט האָבן אויף מייַן געוויסן — זאָגט זי — אויב עס וועט חלילה מיט דיר עפעס געשען שלעכטס, נאָך דעם ווען דו וועסט איצט אַוועקגיין פון מיר, און שלעכטס קען אין אַזאַ אומרויִקן טאָג ווי הייַנט זייַן אַ סך מער ווי גוטס”. און זי נעמט אים נאָך פעסטער בייַ דער האַנט און זי זאָגט צו אים: „זייַ נישט קיין עקשן און קום שנעלער”. הערנדיק די עוולה וואָס מייַן מאַמע באַגייט בנוגע גרשונען, האָט זיך אין מיר אַביסל צעוואַרעמט מייַן קינדישער געדאַנק און איך זאָג אָן שום קונצן: „גרשון, אַנטלויף! איך אַנטלויף אויך, ווען די מאַמע לאָזט מיך נישט אַרויס פון שטוב!”. מייַן מאַמע און

גרשון האָבן געוואָנדן זייערע בליקן צו מיר און האָבן געלאַכט, צופרידן פון מײַן קינדערשן אַרײַנמישן זיך אין זייער געשפּרעך. „איך האָב עס געוווּסט פאָרויס", — זאָגט גרשון צו מײַן מאַמען — און אַראָפּקוקנדיק פון בוידעם און זעענדיק דיך מיטן קיישל אין איין האַנט און משהן אין דער צווייטער האָב איך פאַרשטאַנען אַז דו ביסט געגאַנגען עפּעס קויפן און האָסט ניט ווילנדיק פאַרבלאָנדזשעט אויף אַ פּלאַץ וווּ עס באַהאַלטן זיך אויס רעוואָלוציאָנערן, און דאָ איז מיר אַדורך אַ געדאַנק, צו זאָל איך זיך אויסגעבן פאַר אײַך אָדער נישט. און איך האָב פעסט בײַ זיך באַשלאָסן, אַז איך זאָל אַראָפּוואַרפן פון זיך די בלוזע און אַרויסציען די קאַפּאָטע אויף די הויזן און אײַך אָפּוואַרטען ווען איר וועט אַרויסגיין פון דער פרעמדער שטוב וווּ מען האָט אײַך אַרײַנגעלאָזט, כאָטש כ'בין געווען כמעט ווי זיכער, אַז מײַן פונקציע וואָס איך האָב אויף זיך גענומען קען מיט דעם איבערגעבראָכן ווערן. איך האָב דאָך אַנדערש נישט געקאָנט. און דערפאַר מיין איך, אַז דו דאַרפסט מיך פאַרשטיין און מיך לאָזן אויספירן מײַנע אַרבעטער־פליכטן". דערפילנדיק די אומרויִקייט פון גרשונען, זאָגט מײַן מאַמע, כדי אים צו באַרויִקן און די צײַט זאָל אַדורך וואָס שנעלער: „ווען איך בין געשטאַנען מיטן קינד אָן אומבאַהאָלפענע בײַם טויער פון פראַנצישקאַנער 34 האָב איך דיך געזען לויפן". און דאָ הייבט מײַן מאַמע אָן צו דערציילן מיט אַלע איינצלהייטן וואָס עס איז אַלץ פאָרגעקומען מיט אים און מיט אונדז, אַזוי ווי עס וואָלט געווען פאַר אים אַ נײַעס. „נאָר איין זאַך קען איך נישט פאַרשטיין — זאָגט זי — דו ביסט אַרויס פון שטוב מיט דער לאַנגער קאַפּאָטע און מיטן ייִדישן היטל, און אויף דער גאַס האָב איך דיך געזען לויפן פון דער מאַניפעסטאַציע אין אַ שוואַרצער גלאַנציקער בלוזע און אָן אַ היטל, און איצט זע איך דיך צוריק אין די קאַפּאָטע מיטן היטל, זאָג מיר ווי אַזוי מאַכסטו דאָס?". גרשונען איז געפעלן געוואָרן די פראַגע פון מײַן מאַמען און ער האָט אײַנגעזען אַז דאָס אויסהיטן זיך האָט שוין קיין ווערט נישט, ווײַל זי ווייסט שוין פון אַלץ און ער ענטפערט: „איך מאַך עס זייער לײַכט". און דאָ נעמט ער אַרויס די גלאַנציקע בלוזע פון קעשענע און ער ווײַזט עס מײַן מאַמען. „זעסט די בלוזע, זאָגט ער צו איר, דאָס צי איך אַרויף אויף דער קאַפּאָטע און די שפּיצן פון דער קאַפּאָטע, לייג איך אַרײַן אין די הויזן און דאָס היטל אין דער קעשענע און איך ווער אַ מענטש פאַר דער פרײַער באַוועגונג". צוהערנדיק זיך צו דעם וואָס גרשון האָט דערציילט, האָט מײַן קליינער מוח איצט אָנגעהויבן צו באַגרײַפן פאַר וואָס גרשון איז געווען אַזוי גראָב און זיך נישט געלאָזט דערקענען, ווען איך האָב אים געזען לויפן אויף דער גאַס געיאָגט פון דעם קאָזאַק. אַזוי רעדנדיק זענען מיר אַרײַנגעקומען אין דעם הויף פון פראַנצישקאַנער 29 וווּ מיר האָבן געוווינט. אָפּגייענדיק עטלעכע צענדליק מעטער, האָבן מיר ווידער אַ מאָל דערהערט די זעלבע אויסרופן: „נידער מיטן צאַר! נידער מיט דער זעלבסטהערשאַפט! זאָל לעבן די פרײַהייט!" דער סטרוזש האָט געגעבן אַ פאַרקלאַפּ דאָס טויער און צוזאַמען מיט אַלע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אויפן הויף און געשמועסט וועגן די געשעענישן, האָט ער זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן. גרשון האָט זיך געגעבן אַ ריס אָפּ פון אונדז ,שוין נישט פרעגנדיק בײַ קיינעם קיין דערלויבעניש און צו אונדז אַ זאָג געטאָן עטלעכע ווערטער: „געדענקסט — זאָגט ער אין געאײַל צו מײַן מאַמען — ווי נישט לאַנג ערשט זענען מיר געשטאַנען אויף דער גאַס און נישט געהאַט וווּ זיך אויסצובאַהאַלטן פון די קאָזאַצקע קלעפּ? די מאַניפעסטאַנטן וואָס וואַרפן איצט די לאָזונגען אויף דער גאַס קעגן צאַר, האָבן אויך נישט וווּ זיך צו באַהאַלטן. איך קען נישט זײַן גלײַכגילטיק צו דעם!" און ער לויפט אַוועק. די מאַמע רופט אים „גרשון! גרשון!". גרשון דראַפּעט זיך שוין אויפן טויער כדי צו באַזײַטיקן די צוויי שווערע אייזערנע קיטלען מיט וועלכע דאָס גראָבע הילצערנע טויער איז געווען פאַרשפּאַרט. ער וואַרפט אַראָפּ די קיטלען און גיט אַ פּראַל אויף דאָס טויער פון ביידע זײַטן. ער כאַפּט אַ בליק אויף דער גאַס און שוין איז ער צוריק לעבן אונדז — ער גיט מיך אַ כאַפּ אויף דער האַנט און מיט דער צווייטער האַנט נעמט ער מײַן מאַמען אונטערן אָרעם און אַזוי ווי אַ ווינט לויפט ער מיט אונדז דורך דעם גרויסן הויף. אַ געדיכטע מענטשן־מאַסע איז אַרײַן אין הויף דורכן אָפענעם טויער. קיינעם פון די מאַניפעסטאַנטן איז זיכער נישט אײַנגעפאַלן אַז דאָס האָט גרשון פאַר זיי צוגעגרייט. עס חזרט זיך איבער דאָס זעלבע בילד וואָס פריִער. ביקסן־שאָסן, נאַהייקעס, בלוט, אַרעסטירטע. עס הערן זיך די אויסרופן „נידער מיטן צאַר! נידער מיט דער זעלבסטהערשאַפט! זאָל לעבן די פרײַהייט". מיר זענען אַרײַן אין דעם הויז וווּ מיר האָבן געוווינט אויפן צווייטן שטאָק. — קומענדיק אויפן ערשטן שטאָק, זאָגט גרשון צו מײַן מאַמען: „מומע, צוליב דער געדיכטער שיסערײַ וואָלט געווען בעסער, אַז מיר זאָלן ווײַטער נישט גיין, ווײַל דורכן אָפענעם פענצטער קען די פּאָליציי דערזען אַז עס גייען מענטשן אויף די שטיגן און אויף אונדז שיסן". „דו האָסט מיר אַרויסגעכאַפּט דאָס וואָרט פון מויל" — זאָגט מײַן מאַמע צו גרשונען. שטיל און אומבאַמערקט פון קיינעם דורכן הויז־פענצטער, שאַרן מיר זיך בײַ דער וואַנט צום ווינקל פון פענצטער און מיר זעצן זיך אויפן פּאָל. לאַנג האָט די שיסערײַ נישט אָנגעהאַלטן. עס איז געוואָרן רויִק און מיר זעצן פאַר דעם גאַנג צו אונדז אין שטוב אַרײַן.

„איך וואָלט געקענט טאָן דאָס זעלבע — זאָגט גרשון — וואָס איך האָב געטאָן אויפן הויף, ווען איך בין געלאָפן עפענען דאָס טויער. אויך איצט קען איך נישט פרעגן בײַ קיינעם און גיין מײַן וועג!" און נאָך איידער ער ענדיקט זײַנע רייד, אַז „דאָס וויל איך נישט טאָן, ווײַל איך ווייס, אַז דו וועסט דערציילן דעם טאַטן און דאָס וועט אים וויי טאָן. און וויי טאָן וויל איך אים נישט. האָט מײַן מאַמע שוין פעסט געהאַלטן גרשונען אונטערן אָרעם און זי זאָגט: „איצט לאָז איך דיך שוין נישט אָפּ, דו מוזט גיין מיט מיר!" „איך וועל שוין אַנדערש נישט מאַכן — זאָגט גרשון — צוליבן נישט וועלן וויי טאָן דעם טאַטן גיי איך מיט דיר, אָבער מיט איין באַדינג, אַז דו זאָלסט דעם טאַטן גאָרנישט זאָגן, וואָס עס איז מיט מיר פאָרגעקומען". מײַן מאַמע האָט גרשונען צוגעזאָגט און זי האָט געהאַלטן וואָרט. אַרײַנקומענדיק אין שטוב, איז צו אונדז צוגעלאָפן מײַן ייִנגערער שטיפברודער דער דרײַצן יאָריקער שלמה און פרעגט גאָרנישט, נאָר גיט אַ שטעק אַרײַן זײַן קינדערשע האַנט אין קיישל, וואָס מײַן מאַמע האָט געהאַלטן אין דער האַנט, כדי אַרויסצוכאַפּן עפּעס אַ נאַש צו טאָן. אַ ברוגזער כאַפּט ער צוריק אַרויס די האַנט פון ליידיקן קיישל און מיט אַרויסגעגלאָצטע אויגן פרעגט ער מײַן מאַמען: „מומע, דו האָסט גאָרנישט געברענגט צום עסן? יאָך בין אַזוי הונגעריק" — זאָגט ער מיט זײַן גאַנצער קינדערשער ערנסטקייט. מײַן מאַמע גיט אים אַ גלעט איבערן קעפּל און כדי צו באַרויִקן זײַנע קינדערשע נערוון, זאָגט זי צו אים: „אפשר וועט די זעמל־ייִדענע באַלד קומען". און שלמה, צופרידן פון דעם צוזאָג, אַז עס וועט באַלד זײַן זעמל, גיט מיך אַ כאַפּ בײַ דער האַנט און שלעפּט מיך אין אַ זײַט און דערציילט מיר, אַז מען האָט אויפן הויף געשאָסן און אַלע האָבן זיך געמוזט באַהאַלטן, אַזוי ווי עס וואָלט פאַר מיר געווען אַ נײַעס. „הערשעלע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף אַ דערשראָקענער צוליב דער שיסערײַ — זאָגט שלמה צו מיר — און מען האָט אים מיט קיין שום שפּילערײַען נישט געקענט אײַנשטילן". מיטן פינגער ווײַזט ער מיר, אַז דער טאַטע וויגט אים כסדר און דאָס קינד האַלט אין איין וויינען.

פראַדל די שכנטע האָט געזאָגט, אַז הערשעלע מוז האָבן די „פלאַטשקע". וואָס איז דאָס „פלאַטשקע"? — פרעג איך אים. — „יאָך ווײַס אַלײַן אָך נישט" — זאָגט שלמה.

מײַן שטיפטאַטע זיצט בײַם טיש מיטן צווענגל אין דער האַנט און בייגט די האָרנאָדלען, וואָס מען האָט בײַ אונדז אויסגעאַרבעט, און איין פוס האַלט ער אויף אַ האַלבקײַלעכדיקן פוס פון וויגל, אין וועלכן עס ליגט מײַן אָנדערהאַלבן יעריק ברודערל הערשעלע, וואָס וויל נישט שלאָפן און מען מוז אים כסדר וויגן. מײַן מאַמע גיט זיך אַ שווערן זעץ אַוועק אויף אַ שטול און זי באַווײַזט נישט אַרויס צו זאָגן די ווערטער „דערלאַנג מיר דאָס קינד", ווי ס'גיט זיך אַן עפן די טיר און עס קומט אַרײַן אונדזער שכנה פראַדל גראַגער. מען האָט זי גערופן אַזוי, ווײַל זי האָט גערעדט שנעלער ווי אַ גראַגער. זי שטעלט זיך אַוועק לעבן מײַן מאַמען ווי אַ דעה־זאָגערן, מיט בײדע הענט אויף די זײַטן, איין פוס אַרויסגערוקט אויף פאָרויס און זי הייבט אָן גראַגערן — „וואָס מײַנען זי מיט זיך? יאָך וועל לויפן יעדע רגע אַכטונג געבן אויף אינס קינד? אינס מאַן, וואָס קען קאַ קאַץ דעם עק נישט צובינדן, און פון אומגײַן מיט אַ קינד איז דאָך אָפגערעדט, ער ריפט מאָך אַלע ווײַלע און פראַדל־נאַר גײַט דאַ איבערלײַגן דאָס קינד, דאָ צושאָקלען דאָס קינד און ווען אינס הערשעלע האָט זיך איבערגעשראָקן פון דער שטאַרקער שיסעראַ אָפן הויף, האָט אים שוין קײַנער פון אונדז נישט געקענט אַננעמען! ער האָט געוויינט אָן אויפהער, און יאָך זאָב געמײַנט, אַז ער האָט חלילה געקריגן פאַרשפעטיקטע פלאַטשזעס, און זי זענען זאָך אַוועקגעגאַנגען אויף אַ פאָר שעה און עס זרט אין גאָרנישט די שטיב? און נאָך אַזאַ פראָ ווי זי, וואָס זענען אין די הויכע מאָנאַטן, וואָס אַ ליאַדע מעניט ראַכטן זי זאָך אין בעט אַראַן! יאָך על ענק זאָגן דעם אמת, אַז יאָך פאַרשטײַ נישט די האַנטיקע ייִנגע פלאָנדרעס, און איצט אינס מאַן, ווען ער האָט געהערט די שיסעראַ און וויסנדיק אַז זי זענען אין גאַס, איז ער דאָך שיִער פון זינען אַראָפ, קלערנדיק פון אין". אַזוי האָט פראַדל געגעבן אַ גראַגער אָפ נאָך שנעלער ווי אַ בליק מיטן אויג. מײַן מאַמע, קענענדיק פראַדלען, אַז זי קען צוזאַמענשלעפן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט ,האָט איר קיין מאָל נישט געענטפערט, אָבער דאָס מאָל, זײַענדיק אָנגעשטרענגט פון דער פריִערדיקער איבערלעבונג אין גאַס, האָט זי איר געזאָגט אין אַ שטרענגן טאָן: „פראַדל, מישן זי זיך נישט אין יענעמס טעפ!" פראַדל, נישט ריכטנדיק זיך אויף אַזאַ ענטפער פון מײַן מאַמען, האָט אַ פאַרשעמטע אָנגעהויבן רעדן שטילער, אָבער מיט דער זעלבער שנעלקייט וואָס פריִער, גראַגער־מעסיק. „זע נאָר — זאָגט זי — יאָך בין אויסן איר טובה און וויל זי לערנען, זאָגט זי, אַז יאָך מיש מאָך אין יענעמס טעפ. טפוי זאָל עס ווערן! אַזוי איז אַלע מאָל, פאַר גוטס גיט מען אָפ מיט שטײַנאָ, אַזאַ ייִנגע קאָזע זאָל מאָך אַזוי באַלײַדיקן!" און זי איז אַרויס פון אונדזער שטוב, געבנדיק אַ שטאַרקן פאַרקלאַפ די טיר הינטער זיך.

מײַן שטיפטאַטע האָט צוגעפירט מײַן אָנדערטהאַלבן יעריקן ברודערל הערשעלע צו מײַן מאַמען און דאָס קינד האָט זיך פאַר פרייד שנעל געגעבן אַ כאַפ אַרויף אויף מײַן מאַמעס שויס און איז איר גלײַך פאַרפאָרן מיט זײַנע קינדערישע הענטלעך אין די אויגן. ווי מיט דעם זאָל עס וועלן אויסדריקן די פראַגע, וואָס מיט ווערטער קומט עס אים אָן נאָך אַ ביסל שווער. „וווּ ביסטו געווען אַזאַ לאַנגע צײַט?" מײַן שטיפטאַטע האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן מײַן מאַמען און ער פרעגט זי: „זאָג מיר, רבקהלע, וווּ האָסטו געטראָפן גרשונען? דו געדענקסט דאָך — זעצט ער פאָר, נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער — די לעצטע עטלעכע נעכט וווּ מיר זאָלן זיך נישט האָבן געפרעגט אויף אים, צוליב זײַן נישט אַהיים קומען שלאָפן, האָבן מיר נישט געקענט אין קיין פאַל זיך דערוויסן וווּ ער געפינט זיך, און פלוצעם איז ער אַליין אַהיים געקומען און נאָך מיט אַזאַ — ווער ווייסט פון וואָס פאַראַ קלאַפ — בלויען פלעק אויפן פנים און מיט נאָך אַ גרעסערן פלעק אין מײַן האַרץ. דיך דאַרף איך נישט פרעגן — זאָגט ער נאָך אַ פויזע — וווּ דו ביסט געווען אין דער גרויסער שיסערײַ, ווײַל מען דערקענט עס אין דיר צוליב דײַן אָנגעשטרענגטקייט, דײַן שווערע איבערלעבונג".

מײַן מאַמע וועלנדיק אויסמײַדן אַן ענטפער, ווײַל זי האָט אַזוי צוגעזאָגט גרשונען, פאַרוואַנדלט דעם ענטפער אין אַ פראַגע און זי זאָגט צו מײַן שטיפטאַטן: „אברהם, וווּ וועלן מיר איצט קענען כאַפן אַ גמילות חסד? דו האָסט דאָך געהערט וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן מיר מיט פראַדל גראַגער? נאָך אַזאַ לאַנגע צײַט, ווי פראַדל גראַגער קומט צו אונדז אַרײַן אין שטוב, האָט זי מיר צום ערשטן מאָל געטראָפן אין אַזאַ געדריקטער שטימונג, אַז איך זאָל איר נישט־ווילנדיק ענטפערן שטרענג, פון וואָס איך האָב זיך שטענדיק אויסגעהיטן, אַז זי זאָל דאַרפן פאַרלאָזן אַ ברוגזע אונדזער שטוב? דאָס וועט זי זיכער איבערגעבן איר מאַן ר' שמואל „פשיסוועביינער" און ער וועט זיך זיכער וועלן אָפרעכענען מיט אונדז פאַר דער שווערער באַלײדיקונג קעגן זײַן ווײַב און דאָס ערשטע קען ער אָפשטעלן דעם אַזוי נויטיקן פאַר אונדז גמילת חסד, וואָס מיר נעמען בײַ אים אַזוי אָפט און דאָס קאָן זײַן אַ גרויסער קלאַפ פאַר אונדז. מײַן שטיפטאַטע, שוין אַ ביסל אַ ברוגזער צוליב דעם אויסגעמיטענעם ענטפער פון מײַן מאַמען, הייבט זיך אויף פון פלאַץ, וווּ ער איז געזעסן און ער מורמלט אונטער: „וואָס גייט מיך אָן אין איצטיקן מאָמענט שמואל פשיסוועביינער מיט זײַנע גמילת חסדים? איצט אינטערעסירט מיך נישט מער ווי איין זאַך, צו דערוויסן זיך ווי גרשון איז אַזוי ברוטאַל צעשלאָגן געוואָרן און אפשר וועט דאָס זײַן אַ מיטל פאַר מיר אים צו קענען אָפרעדן פון אַזעלכע נאַרישקייטן". משה!, גיט ער מיך אַ רוף און ער זעצט זיך אויף דער שלאָפבאַנק, ווי מיר האָבן די באַנק גערופן, ווײַל ביי נאַכט ווערט זי אַ בעט צום שלאָפן פאַר גרשונען מיט שלמהנען. שוין האַלטנדיק מיך אויף זײַן קני, הייבט ער מיך אָן אויספרעגן פון אַלץ און פון אַלעמען און איך דערצייל מײַן שטיפטאַטן מיט אַלע איינצעלהייטן, וואָס עס איז אַלץ פאָרגעקומען מיט גרשונען. אַן איבערגעשראָקענער דרייט גרשון אויס דעם קאָפ פון דעם שטול, וווּ ער איז געזעסן מיטן פנים צום פענצטער און אַראָפ געקוקט אויפן הויף.

עס דערגייט צו אים דער אומגעריכטער רוף פון זײַן טאַטן: „גרשון, עס איז אמת דאָס אַלץ וואָס משה דערציילט פון דיר?" ערשט איצט האָט זיך גרשון אַרומגעזען, אַז ער האָט שלעכט געטאָן וואָס ער האָט נישט געמאַכט קיין אָפמאַך מיט מיר, פונקט ווי ער האָט דאָס געטאָן מיט מײַן מאַמען, אַז איך זאָל זײַן טאַטן גאָרנישט דערציילן, וואָס עס האָט מיט אים פאַסירט. אָבער זעענדיק, אַז ער איז אַרײַנגעפאַלן און צוריקדרייען קען מען שוין נישט, נוצט גרשון אויס די געלעגנהייט מיט זײַן שנעלער האַנדלונג און ער מאַכט זיך „לעגאַל" בײַם טאַטן: „איך בין נישט לעגאַל אין גאַס, ווײַל איך כאָטש זײַן לעגאַל אין שטוב — זאָגט גרשון דרייסט צו זײַן טאַטן — און דאָס וואָס משה האָט דיר דערציילט איז אַלץ אמת". „אויב דו זאָגסט, אַז אַלץ איז אמת, וואָס משה האָט מיר דערציילט וועגן דיר — זאָגט מײַן שטיפטאַטע צו גרשונען — וויל איך דיך כאָטש זען, ווי אַזוי דו זעסט אויס אָנגעטאָן אין דער שוואַרצער בלוזע איידער מען פאַרשיקט דיך אין סיביר". גרשון, אַ שמייכלענ־

דיקער און אַ צופרידענער פון זײַן טאַטנס פאַרלאַנג, פאַרלירט זיך נישט אויף קיין איין מאָמענט און ער ציט אַרויף אויף זיך די אַרבעטער־בלוזע, וואַרפט אַראָפּ פון זיך דאָס היטל און שטעלט זיך גלײַך לעבן מײַן טאַטן. ער זאָגט אים: „זעסט אַז עס איז אמת”. נישט קענענדיק אַרויס רעדן קיין וואָרט צוליבן אינערלעך־דערשטיקן געלעכטער, וואָס מײַן שטיפטאַטע האָט נישט געוואָלט אַרויסווײַזן גרשונען, דרייט ער זיך אַוועק אין אַ זײַט און ער רעדט גאָרנישט. גרשון, דערפילנדיק דאָס וואַרעמע שמייכלען פון זײַן טאַטן, זאָגט צו אים: „טאַטע, איך וועל שוין מער קיין מאָל נישט אָנטאָן קיין לאַנגע קאַפּאָטע”. „בײַ מיר אין שטוב נישט!” ענטפערט מײַן שטיפטאַטע מיט אַ הילכיק געלעכטער, וואָס ער האָט שוין מער נישט געקענט דערשטיקן אין זיך. ווען מײַן מאַמע האָט אַלעמען געהייסן זיך זעצן צום טיש, כדי עפּעס איבערצוכאַפּן פון דעם וואָס זי האָט צוגעגרייט פון קליינעם זאַפּאַס שטוב־פּראָדוקטן — אַ געשמאַקע קאַשעזופּ באַשמאַלצן מיט געגליווערט שמאַלץ — איז שוין געווען נאָענט צו נאַכט. מײַן שטיפטאַטע האָט זיך נישט געקענט דעצידירן, צי זאָל ער גיין צום טיש, אָדער זאָל ער וואַרטן ביז נאָך מנחה־מעריב. מײַן מאַמע באַמערקט זײַן לאַגע און זי זאָגט אים: „עס איז נאָך פרי, דו וועסט נאָך „דאָנזשען” אָפּצועסן”. ער כאַפּט אַ קוק אויף אונדזער גרויסן וואַנטזייגער און ער זאָגט: „דו ביסט גערעכט, עס איז נאָך גענוג צײַט צו מנחה!” און ער זעצט זיך צום טיש. מײַן מאַמע באַמערקט עפּעס נישט נאָרמאַלעס אין מיר. זי לייגט צו איר האַנט צו מײַן שטערן און זי זאָגט צו מײַן שטיפטאַטן: „אברהם, דאַכט זיך, אַז ער האָט אַ ביסל היץ!” האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה מיט טאַפּן מיר דעם קאָפּ. מײַן שטיפטאַטע, גרשון און שלמה, אַלע האָבן זיי מיר צוגעלייגט זייערע הענט צו מײַן שטערן, אַפילו מײַן אָנדערהאַלבן יעריק ברודערל הערשעלע האָט אויך אויסגעשטעלט זײַן קליין הענטעלע צו מײַן שטערן, אַזוי ווי ער האָט נישט געקענט דערלאַנגען, האָב איך געמוזט צופירן מײַן קאָפּ צו זײַן הענטל. אַלע צוזאַמען מיט הערשעלען האָבן באַשטעטיקט, אַז איך האָב היץ. מײַן מאַמע גייט מיט מיר אַרײַן אין אַלקער און, זי לייגט מיך אין בעט אַרײַן, זי זעצט זיך אויף אַ בענקל און לייגט אַרויף אירע הענט אויף איר גרויסן בויך, פון וואַנען עס איז מיר מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער אַ ברודערל צוגעקומען, יאָסעלע. זי הייבט אָן רעדן צו זיך אַליין, צוערשט אין דער שטיל, דערנאָך אויפן קול: „אַמעריקע האָט זיך אים פאַרגלוסט! וואָס איך האָב אים אויסגעבעטן: פאַר נישט קיין אַמעריקע!, וואָס פעלט דיר דאָ? דו האָסט אַ גוטן פּאָסטן, דו פאַרדינסט ווייניק, אָבער ווער פאָדערט דען פון דיר מער? און אויב מען דאַרף מער, פאַרדין איך דאָך אויך עפּעס בײַ די קראַוואַטן. אָבער ער האָט פון גאָרנישט געוואָלט וויסן! אויף אַלעם האָט ער געהאַט איין ענטפער: אין אַמעריקע וועלן מיר זיך פאַרבעסערן אונדזער לאַגע, מילא, האָב איך קעגן מײַן ווילן אײַנגעשטימט מיט אים. אַ ברירה האָב איך געהאַט? און דו, מײַן טײַער קינד, ווען דו ביסט אַלט געוואָרן צוועלף טאָג איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דײַן טאַטנס ברודער מיט דער פינצטערער בשורה, אַז דײַן טאַטע איז געשטאָרבן. דערגרײַכט זײַן שטרעבונג צו זײַן אין אַמעריקע, אָפּגעמאַטערט זיך דאָרט דרײַ מאָנאַט און איז געשטאָרבן אין דעם טרפהנעם לאַנד! און איצט זײַן קינד? וואָס פאַראַ לײַט וועט עס זײַן, ס'וועט אויסוואַקסן אַזאַ לײַט ווי גרשון איז? ער וועט זיך חברן מיט אַלע לאָבוסעס, וואָס רעדן זיך אײַן, אַז זיי וועלן אַראָפּוואַרפן דעם קייסער?”

ווער ווייסט ווי לאַנג עס וואָלט נאָך אַזוי אָנגעהאַלטן איר רעדן צו זיך אַליין, ווען נישט הערשעלע, וואָס האָט איר איבערגעשלאָגן מיט זײַן אַרײַנקומען אין אַלקער, און וואָס שנעלער ער האָט געוואָלט צולויפן צו אונדז, אַלץ לאַנגזאַמער איז עס בײַ אים אַרויסגעקומען, ביז ער איז מיט זײַן קינדיש געלעכטער אַרויפגעפאַלן מיט זײַנע הענטלעך אויף מײַן מאַמען. דער שטענדיק פרײַלעכער שלמה, וואָס איז איצט נאָך מער פרײַלעך צוליב זײַן זאַטקייט, איז אַרײַנגעלאָפן צו אונדז אין אַלקער און נישט באַמערקנדיק, ווי ער פאַרטשעפּעט זיך אין זײַן קאַפּאָטע איז ער געפאַלן, מיטשלעפּנדיק מיט זיך דאָס קליינע שענקל, ווו עס זענען געשטאַנען די שבתדיקע לײַכטער. דער גרויסער טראַסק פון די לײַכטער האָבן אים געמאַכט אויפשטעלן. ער כאַפּט אַ בליק אויף די אַראָפּגעפאַלענע לײַכטער און ער באַמיט זיך צו מאָל נישט זיי אויפצוהייבן. ער לאָזט אַלץ ליגן און לויפט צו צו מײַן בעט שפּילן אין קאָפּ אָדער שלאַג, איז די מטבע שוין געלעגן אויפן פּאָל און שלמה לאָזט אים אַרויס פון שטוב, האָט ער שוין זײַנע חברים זיך צו שפּילן, אָבער איצט האָט ער קיין אַנדערע ברירה נישט, מוז ער אָנקומען צו מיר. איך טראַכט אַפילו, ווי אַזוי פּאַסט עס פאַר אַ בחור פון דרײַצן יאָר זיך צו שפּילן מיט אַ קינד פון פינף יאָר? דערווײַל נעמט ער אַרויס פון דער קעשענע אַ רוסישע קאָפּיקע און מיט צוויי פינגער גיט ער איר אַ שנעל אין דער לופט. די מטבע דרייט זיך אין דער לופט מיט אַזאַ שנעלקייט, ווי זי וואָלט געווען געטריבן פון אַ מאָטאָר. איך האָב נאָך אַפילו נישט באַוויזן צו זאָגן: „קאָפּ אָדער שלאַג, איז די מטבע שוין געלעגן אויפן פּאָל און שלמה גיט אַ פרײלעכן געשרײַ: „דו האָסט פאַרשפּילט! גיב אַהער אַ קנעפּל”. עס קומט צו גרשון צו מײַן בעט און פרעגט מיך וואָס איך מאַך, אַזוי ווי איך וואָלט געווען אַן אמתער קראַנקער און נישט קיין אײַנגערעדטער פון מײַן מאַמען. „געדענקסט די אויסרופן פון די מאַניפעסטאַנטן?”, פרעגט ער. איך לאַך און ער דערמאָנט מיך: „נידער מיטן צאַר! זאָל לעבן די פרײַהייט!” און ווען ער זעט, אַז מײַן מאַמע, וואָס זיצט לעבן בעט, פּראָטעסטירט נישט פון זײַן דערמאָנען מיך זײַן פריִערדיקע איבערלעבונג, הייבט ער אָן מיט מיר אײַנזינגען אַ לידל „שנײַדערס און שוסטערס האָבן זיך געמאַכט איין האַנט, זיי האָבן גענומען קוויטעלעך און געקלעפּט אויף דער וואַנט”. „פאַרוואָס לערנסטו אים נישט אויס אַ צווייט לידל — זאָגט מײַן מאַמע אַן אומצופרידענע פון גרשונען — דאָס לידל, אַז מען האָט שוין אויסגעהרגעט אַלע שטרײַקערס און מען האָט שוין נישט קיין מורא פאַר זיי?”

עס ווערט נאַכט, מײַן שטיפטאַטע פאַרהענגט אַלע פענצטער מיט שמאַטעס, אַז מען זאָל חלילה קיין שטיקעלע שײַן נישט אַרויס זען פון דעם קליינעם נאַפט־לעמפּעלע וואָס מען האָט אָנגעצונדן און עס אַוועקגעשטעלט אויף אַ בענקל און נישט אויפן טיש, כדי עס זאָל נישט זײַן ליכטיק אין שטוב, נאָר אויפן פּאָל, צו זען בלויז דורכצוגיין, ווײַל דער סטרוזש פון הויף האָט אָנגעזאָגט, אַז ווו עס וועט זײַן ליכטיק וועט מען אַרײַנשיסן. באַלד קומט אויך צו מײַן שטיפטאַטע צו מײַן בעט און ער לייגט צו זײַן האַנט צו מײַן שטערן. ער פרעגט מיך וואָס איך מאַך. און נאָך איידער איך האָב באַוויזן צו ענטפערן, זאָגט ער: „אַוודאי האָט ער אַ ביסל היץ” און ער ווענדט זיך צו גרשונען אין אַ בייזן טאָן: „זעסטו, גויטשיק, וואָס דו ביסט! אַלץ דורך דיר ליידן אַזעלכע קליינע קינדער”. גרשון, אַן איבערראַשטער פון זײַן טאַטנס גרויסער באַליידיקונג, וואָס ער הערט עס צום ערשטן מאָל, האָט געענטפערט דרייסט און אַנטשלאָסן: „טאַטע, מיך אינטערעסירט גאָרנישט! עס מעג זיך זײַן וואָס עס וויל! איך וועל זײַן איינער פון די אַלע צו העלפן באַפרײַען די וועלט...

נ. קופער

די „וואָלוּווקע" אין וואַרשע

אַ סך פון די פּוילישע ייִדן געדענקען נאָך געוויס די אַזוי כאַראַקטעריסטישע גאַסן אַרום „וואָיעננע פּלאַץ" אין וואַרשע, וווּ עס איז געווען דער צענטער פון אַלטוואַרג־האַנדל. און פאַר די וואָס האָבן שוין פאַרגעסן, גיבן מיר איבער עטלעכע בילדער ווי אַזוי דער דאָזיקער האַנדל איז געטריבן געוואָרן.

די „וואָלאָווע" האַנדלט נישט מיט קיין שום נײַע זאַך, זאָל גאָט אויסהיטן! ווער עס וויל זיך קויפן עפּעס נײַס, גייט נישט אויף דער וואָלאָווע און טאָמער פאַלט אַ מאָל אַרײַן צו אַ הענדלער פון וואָלאָווע אַ ביסל נײַע מלבושים, וועט ער זיי נישט פריִער אַרויסהענגען בײַ זיך אין קראָם צום פאַרקויף, ביז ער וועט זיי נישט מאַכן „אַלט"... מיטלען ווי אַזוי צו מאַכן אַלט האָט די וואָלאָווע אַ סך, אָדער מען נעמט אַ שטיקל גרינע זייף און מ'שמירט אויס דערמיט דעם אונטערשלאַק, די אַרבל פון אינעווייניק, אָדער מ'רײַסט אָפּ עטלעכע קנעפּ, מ'לאָזט אויף אַ נאָט, אַזוי אַז ס'זאָל אויסזען אַ ביסל פאַרעלטערט, אָפּגעטראָגן און ס'זאָל ווערט זײַן אײַנצושטיין צווישן אַלע אַלטע בגדים פון דער וואָלאָווע.

די וואָלאָווע איז אַ שמאָל שלענגלדיק געסעלע מיט דעם אמתן אויסזען פון אַ ייִדיש געסל אין דער אַלטער געטאָ. די הײַזער זענען אַלטע, אָפּגעשיילטע; די קראָמען טונקעלע, קליינע, צו וועלכע מען מוז אַרויפגיין אויף עטלעכע טרעפּלעך. קיין שילדן הענגען נישט פאַר די טירן, נאָר כדי מ'זאָל זען, וואָס עס איז אַלץ דאָ צו פאַרקויפן אין קראָם ,ווערן אַרויסגעהאָנגען פאַר די טירן אַ פּאָר אַלטע אָפּגעבליאַקירטע פּלודערן, אַ פּאָר תחתונים פון עפּעס אַן אַלטן גענעראַל פון נאַפּאָלעאָנס צײַטן, אַ צעטרענטער וואַטענער שלאָפראָק מיט טערקישע בלעטער אויסגענייט, אַ ווײַבערישער קאַפּטאַן, אַ צעריבענע קאָלדרע, אַ נאַכטהעמד און אַ גרינלעכער צילינדער. בײַ דער טיר, צווישן גאַנצן פּאַק אַרויסגעהאָנגענע מלבושים, זיצט שטענדיק דער סוחר מיט זײַן פרוי. ער, דער סוחר, זיצט זיך מיט דער יאַרמלקע אויפן קאָפּ, מיט אַ פּאָר שטעקשיך אויף די פיס מיט די שפּאַקולן אויף דער נאָז, די נאָדל־פאָדעם אין האַנט. ער פאַרריכט עפּעס אַ גרינלעכע קאַפּאָטע, אונטערזינגנדיק זיך געלאַסן אַ שטיקעלע „כבקרת" אָדער אַ „יעלה" פון מחזור אַרוים. זי, די אַלטע זײַנע, זיצט לעבן אַ פייערטאָפּ, פּאָרקעט זיך צווישן אַ פּאַק שמאַטעס, בענדלעך און אָפּפאַל, וואָס ווערט אָפּגעקויפט אין די פאַבריקן און בײַ די שנײַדערס.

אַז מען גייט פאַרבײַ אַזאַ קראָם, קאָן מען מיינען, אַז דאָרטן איז נישטאָ פאַר קיין גראָשן סחורה און עס איז נאָר אַ וווּנדער, ווי אַזוי לעבן דאָס די מענטשן דערפון. נאָר אַז מען קוקט אַרײַן אינגעווייניק, אין דער פינצטערער קראָם, באַווײַזט זיך אַזאַ מבול פון מלבושים, אַזוי פיל רעק, הויזן, וועסטן און קאַפּאָטעס וואַלגערן זיך אַרום אויף דער ערד (אויף וואָלאָווע האָט מען ליב האַלטן אויף דער ערד) כאָטש קלייד אויס דערמיט גאַנץ וואַרשע.

וואָס קריגט מען נישט דאָרטן! אי די פײַנע חסידישע אַטלעסענע קאַפּאָטע, וואָס גלאַנצט אַ מײַל פון דער ווײַטן, אי דעם עלעגאַנטן ענגלישן ספּאָרטקאָסטיום, טאַקע נאָר פאַר אַ גראַף, אי דעם לײַטישן בעל־הביתישן ראָק מיט די זײַדענע לאַצן, ספּעציעל פאַר אַ ייִד אַ מחותן, וואָס דאַרף פירן די ייִנגסטע טאָכטער צו דער חופּה, אי דעם האַלב־עלעגאַנטן האַלב־ווּויליונגערישן קאָסטיום מיט די קרומע קעשענעס און קלאָשאָווע הויזן, וואָס דינסטמיידן באַקומען דערפאַר די זיבעטע נכפּה.

אויף דער גאַס, אויף די שמאָלע טראָטואַרן פאַר די קראָמען, דרייען זיך אַרום דאָס יונגוואַרג, די קינדער פון די הענדלערס און „כאַפּן יאָלדן". מיט יאָרן צוריק האָבן זיי, די טאַטע־מאַמע, וואָס זיצן איצט און לאַטעווען קליידער, אויך אַרומגעקראָכן פאַר די קראָמען און געכאַפּט יאָלדן, געשלעפּט קונים קויפן „מציאות", איצט זענען זיי שוין אויף דער עלטער, מעגן זיי זיך שוין זיצן רויִק פאַר די טירן און לאַטעווען. זייערע קינדער, וואָס זיי האָבן דערצויגן, זענען ייִנגער, קרעפּטיקער און געשיקטער פאַר זיי, די אַלטע, און די טאַטע־מאַמע כאַפּן אַלע ווײַלע אַ בליק צו זייערע געראָטענע קינדערלעך, באַוווּנדערן זייער פלינקייט, געשיקטקייט אין אַרײַנציִען „פרײַערס" און זיי האָבן הנאה.

אָ, זיי מעגן הנאה האָבן. וואָרעם אויף וויפל אַ „כאַפּער", אַ פּאָלעם־ציִער אויף נאַלעווקעס איז פלינק, בריהדיק, מעג ער גיין די שטיוול פּוצן צו אַ „כאַפּער" פון דער וואָלאָווע. די הענדלערישע קינדער פון דער וואָלאָווע, דאָס זענען אמתע קינסטלער אין זייער פאַך. צווישן טויזנטער מענטשן, וואָס גייען פאַרבײַ די וואָלאָווע, וועט ער דיר גלײַך דערשמעקן דעם „יאָלד", וואָס גייט זוכן מציאות, און וואָס אינטערעסאַנטער פון אַלץ איז דאָס, וואָס אויף וואָלאָווע זענען די ווײַבער, די טעכטער פון די וואָלעווער הענדלערס, הונדערט מאָל פלינקער, געשיקטער אין „אַרײַנכאַפּן יאָלדן", ווי זייערע ברידער די מאַנסלײַט. דאָ, נאָר דאָ, האָבן די פרויען אַריבערגעיאָגט דעם מאַן ,און וויי איז דעם, וואָס פאַלט אַרײַן צו זיי אין די הענט אַרײַן!... אויב מ'קען זיך נאָך אַ מאָל אַרויסדרייען, ווען מ'פאַלט אַרײַן אין די הענט פון די וואָלעווער כאַפּערס, וועט מען זיך בײַ קיין פאַל נישט אַרויסדרייען ווען מ'פאַלט אַרײַן אין די הענט פון די וואָלעווער כאַפּערקעס. זיי שרײַען אַזוי, מאַכן אַזאַ טומל, עסן

זיך אַזוי אײַן מיט די הענט און נאָך מער מיט די מײַלעכלעך, אַז מען מוז גיין מיט זיי, וווּהין זיי זאָלן נישט פירן. ערשט אַז „דער יאָלד" איז שוין אין קראָם, גיט זי אים איבער אין די הענט פון די „אַנמעסטערס" און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר.

כּדי צו זײַן אויף וואָלעווע אַן „אַנמעסטער" דאַרף מען האָבן אַ געבוירענעם טאַלאַנט, דאַרף מען זײַן געבוירן אויף דער וואָלעווע, אַרײַנזייגן אין זיך דעם גײַסט פון דער וואָלעווע מיט דער מוטערס מילך. בקיצור, אַן „אַנמעסטער" נאָך בײַ דער מאַמען אין בויך.

וואָס איז דער פּרינציפּ פון אַ וואָלעווער הענדלער? — נישט צו פּאַסן דעם מלבוש צום מענטש, נאָר דעם מענטש צום מלבוש... אויף אַנדערע גאַסן, אין אַנדערע מאַגאַזינען, זעט דער סוחר, אַז ער זאָל צופּאַסן פאַרן קליִענט אַ מלבוש צו זײַן פיגור. קאָן ער נישט צופּאַסן, מוז דער קונה גיין ערגעץ אַנדערש. אויף וואָלעווע זעט דער הענדלער, אַז דער „יאָלד", וואָס פּאַלט צו אים אַרײַן, זאָל זיך מוזן צופּאַסן צו די מלבושים, וואָס ער האָט. טאָמער פּאַסט די פיגור פּאָרט נישט צו, באַאַרבעט זי דער „וואָלעווער" אַזוי, אַז זי מוז זיך צופּאַסן...

עס קומט אַרײַן אין אַ וואָלעווער קראָם אַן אַרבעטער, אַן אָרעמאַן, קויפן אַ קאָסטיום. דער וואָלעווער אַנמעסטער גיט אים אַ נעם דורך פון קאָפּ ביז די פיס, שאַצט אים אָפּ מיט זײַן וואָלעווער פּסיכאָלאָגיע, ווי אַזוי און מיט וואָסערע מיטלען ער דאַרף מיט אים האַנדלען, און ער הייבט מיט אים אָן צו קאָמאַנדעווען. ווי קונצנמאַכער קאָמאַנדעוועט מיט זײַן מאַלפּע.

— אַ נו, פאַניע, גיט נאָר אַ מעסט אָן דאָס „קאָסטיומטשיקל" — זאָגט דער אַנמעסטער גיך און גיט אויף אים אַ צי אַרויף אַ קאָסטיום וואָס שטאַמט פון אַ בײַכיקן פאַרשוין און איז ברייט ווי אַ זאַק.

דער קונה פּאַרציט מיט דער נאָז:

— צו ברייט. נישט אויף מײַן מאָס, גיט מיר אַן אַנדערן.

— איר ווילט אַן אַנדערן, אַך, ביטע זייער — זאָגט דער „אַנמעסטער" און מעסט אים פון דעסט וועגן ווײַטער דעם זעלבן ברייטן קאָסטיום. ער שמייכלט פאַר זיך — אַ בהמה, אַ יאָלד — טראַכט ער וועגן קונה, וואָס דערציילט אים מבינות אויף קאָסטיומען, — אַוודאי איז ער ברייט, נו איז וואָס, איז נישטאָ קיין מיטל צו דעם! — ער גיט דעם קונה אַ צי אויס בײדע הענט, שטופּט אים אַרויס פאָרויס די ברוסט, גיט אים עטלעכע בוכקעס אין די פּלייצעס אַרײַן, אַזוי אַז ער זאָל שטיין גלײַך, און בייזערט זיך אויף אים:

— פּעטש זענט איר ווערט... אַ מענטש האָט אַזאַ פיגור, אַ פיגור פון אַן אַטלעט, פון אַ טשעמפּיאָן, גייט ער אַזוי, אַז אַלץ „הענגט" אויף אים... גלײַך שטייט אַזוי!... נו, וואָס, ברייט דער קאָסטיום, צי נישט... רעדט בעסער נישט קיין נאַרישקייטן, מ'וועט לאַכן פון אײַך... רעדט נישט!...

דער קונה באַטראַכט זיך און פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַלײַן. מאָדנע, וווּנדערט אים, דער קאָסטיום איז דאָך טאַקע גאָרנישט אַזוי ברייט, ווי ר'האָט זיך אויסגעוויזן. אַרום אים שטייט דערווײַל אַ גאַנץ רעדל פאַרשוינען און „מעסטן" אים. איינער הייבט אים די הענט, פּוצט אים די קנעפּ און ווײַזט:

— פאַניע, גיט נאָר אַ קוק אויף די קנעפּ... אויסלענדישע קנעפּ... בלויז זיי אַליין זענען אַ מציאה דאָס געלט...

אַ צווייטער גלעט אים די פּלייצעס, ציט אים בײַ די פּאָלעס, און האַלט אים אין איין ווײַזן די גרויסע מעלות פון די קעשענעס:

— זעט נאָר די קעשענעס, פאַניע... איר האָט שוין געזען אַ מאָל אַזאַ אַרבעט? אסור אויב אין פּאַריז זעט מען אַזעלכעס...

דער קונה איז שוין גאָר צעטומלט. נאָר ער קווענקלט זיך נאָך אַ ביסל, ווי מיט אַ מאָל פאַלט אַרײַן די זעלבע „כאַפּערקע", וואָס האָט אים אַרײַנגעפירט און אָנקוקנדיק אים „דערקענט זי אים נישט", און פרעגט בײַ די אַרומיקע:

— קינדערלעך, וווּ איז ערגעץ אַוועק דער קונה... אָט דעם, וואָס כ'האָב נאָר וואָס אַרײַנגעפירט?... אַלע אַרומיקע שטייען און שמייכלען מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם שמייכל. באַלד רופט זיך אָן דער אַלטער:

— משוגע מײַנע שונאים, אָט שטייט ער דאָך לעבן דיר, אָט אָ! דערקענסט אים נישט!...

— מאַמעלע — גיט די כאַפּערקע זיך אַ פּאַטש אין בײדע הענט — אסור, אויב איך האָב אים דערקענט...

זי קוקט זיך אין אים אײַן ,ווי זי וואָלט זיך וועלן איבערצײַגן, צי דאָס איז ער טאַקע, צי מ'נאַרט זי נישט אָפּ, און זי פּאַטשט מיט די ליפּן פון גרויס וווּנדער:

— ווײ, ווײ, וואָס אַ מלבוש מאַכט פון אַ מענטש... איר זעט דאָך אויס ווי אַ גראַף, טראָגט געזונטערהייט... אַזאַ יאָר אויף מיר, חוץ שוואַרץ, וואָסער סאָליד מלבוש דאָס איז...

פאַרשטייט זיך, אַז נאָך אַזאַ סצענע בלײַבט שוין דער קאָסטיום אויפן אַרבעטער. ער גייט אַוועק אַ גליקלעכער מיט דער „מציאה" אונטערן אָרעם.

טאָמער איז דער קונה גראָד אַ פאַרשוין מיט ביינער און אַלע קאָסטיומען זענען אויף אים צו שמאָל, האָט די וואָלעווע אויך אַן עצה. קודם כּל הייבט דער אַנמעסטער אויף אַ קני און פּאָרט אים אַרײַן, דעם קונה, אַזוי אין בויך אַרײַן, אַז יענער ציט זיך צונויף ווי אַ שלאַנג. דערנאָך ציט ער אים די הענט, קוועטשט אים די אַקסלען און רעדט דערבײַ, שיט מיט ווערטער ווי פון אַ געלעכערטן זאַק אַרויס.

— וואָס ווילט איר, אַ זאַק ווילט איר? פּויערן טראָגן ברייטע קאָסטיומען. אַן אינטעליגענטער מאַן, אַ שטאָטמענטש גייט אין געפּאַסטע קליידער... וואָס, נישט אַזוי?... — גיט ער אַ פרעג בײַ די אַרומיקע אין קראָם.

— אַ פראַגע דאָס איז — ענטפערן אַלע און רינגלען אים אַרום. נאָר אַז דער „יאָלד" באַשטייט נאָך אַלץ נישט, פירט מען אים אַוועק צום „שפּיגל" זיך שפּיגלען.

אויף וואָלעווע הענגען ספּעציעלע שפּיגלען. ערשטנס, אַז מ'קוקט אַרײַן אין אַ שפּיגל קען מען קיין מאָל נישט וויסן גענוי ווי אַזוי מען זעט אויס. פון איין מענטש ווערט אין שפּיגל צוויי און דרײַ מענטשן. אויסער דעם ברענט דערלעבן אַ רויטלעכע גאַזלאָמפּ, אַזוי אַז וואָסערע שמאַטעס מ'זאָל נישט אָנטאָן, זעט מען אויס אין דעם שפּיגל ווי אַ חתן־בחור...

אויב דער קונה דרייט נאָך אַלץ מיט דער נאָז, איז פאַראַן נאָך אַ מיטל. מיט אַ מאָל פאַלט אַרײַן דעם סוחרס ווײַב אָדער די טאָכטער און דערזעענדיק דעם קונה אין אַן אָנגעמאָסטענעם קאָסטיום, מאַכט זי אַ טומל:

— וואָס, דעם קאָסטיום האָסטו פאַרקויפט? — כ'וועל עס נישט דערלאָזן, דער קאָסטיום איז שוין צוגעזאָגט אַ שטענדיקן קונה... מ'זאָל מיך אָפגילטן, וועל איך נישט ברעכן מײַן וואָרט... מיר זענען נישט אַזעלכע מענטשן... אַ וואָרט איז בײַ אונדז הייליק.

דער הענדלער בלײַבט שטיין מיט אַ פאָר „דערשראָקענע אויגן:

— קרוין מײַנע — בעט ער זיך בײַם ווײַב — כ'האָב נישט געוווּסט... איך האָב עס שוין פאַרקויפט דעם מענטש, ווי אַזוי טוט מען עס אים צוריק אויס...

די ייִדענע קאָכט זיך ווײַטער. זי טענהט:

— מײַן וואָרט איז בײַ מיר גאָלד... דײַן וואָרט גייט מיך נישט אָן...

ער טענהט פאַרקערט:

— מײַנס אַ וואָרט איז וויכטיקער... איך בין אַ מאַנספאַרשוין... אַ פרוים אַ וואָרט איז נישט אַזוי שרעקלעך... קיין בריקן קען מען דערויף נישט בויען...

דערהערנדיק דאָס קריגערײַ, דאָס אַרומרײַסעניש צוליב זײַן קאָסטיום, מיינט דער נאַיִווער קונה, אַז ער האָט געכאַפט אַ מציאה און ער מישט זיך אויך אַרײַן:

— ס'איז נישט סוחריש אַזוי... געקויפט איז געקויפט, דעם קאָסטיום גיב איך נישט צוריק.

נאָך גרויסער מי, הערן זיך מאַן און ווײַב אויף צו קריגן, און דער „יאָלד” אַנטלויפט מיטן גליק ווי מיט אַ גנבה...

נישט אַלע מאָל לאָזן די וואָלעווער הענדלער אַזוי גיך אַרויס אַ קונה פון זיך. אַז דער „יאָלד” האָט שוין געקויפט אַ קאָסטיום, און די „וואָלעווער” דערפילן אַז ער האָט נאָך אַ ביסל געלט אין קעשענע, הייבט מען אים אָן נאָך אַ מאָל נעמען אויפן צימבל. צו ערשט גייט צו די סוחרטע און גיט אַ וואָרף אַרײַן אַ וואָרט:

— צו אַזאַ נײַעם קאָסטיום וואָלט איר נייטיק דאַרפן האָבן אַ פאָר אַנדערע שיך... אויף די שיך וואָס איר טראָגט, קאָנען זיך גאָרנישט אָנזען די הויזן...

— און פאַר וואָס פונקט שיך — וואַרפט אַרײַן אַ צווייטער — צו אַזאַ קאָסטיומטשיקל וואָלט נישט אויסמאַכן טאַקע צו קויפן דעם פײַנעם הוט... אַ העמד און אַנדערע...

איידער דער קונה באַווײַזט זיך אומצוקוקן, ליגן שוין פאַר אים שיך פון פאַרשידענערליי קאָלירן און פאַסאָנען, היטן, היטלען, העמדער, קראַוואַטן, איין מציאה גרעסער פאַר דער אַנדערער. ווילנדיק נישט־ווילנדיק דרייט מען אים אַרײַן פאַרשידענע מציאות. ביז מען דערפילט, אַז ער איז שוין אָן אַ גראָשן בײַ דער נשמה און מ'לאָזט אים אַרויס אויף גאָטס פרײַער וועלט.

דער גרעסטער יאַריד אויף וואָלעווע איז פסח־ און סוכות־צײַט, איבער הויפט חול־מועד. די וואָלעווער יונגען און מיידן צערײַסן זיך שיער נישט:

— ר' ייִד אַהער! ר' ייִד, קומט אַרײַן ,וועלן מיר אײַך אויספוצן אין די פײַנסטע זאַכן.

שיין איז ווי ס'קומט אַ חסידישער ייִד קויפן אַן אַטלעסענע קאַפאָטע צו פאָרן צום רבין און האַנדלט גאָר אײַן אַ טוכענע ליטווישע קאַפאָטע מיט טאָפלטע קנעפ און מיט בענדלעך אַרום די אַרבל. אַזאַ חסידיש ייִדל איז אַ בייזער. ער ווייסט אַז די וואָלעווער זענען די אמתע חברה־לײַט און ער האַלט זיך פעסט:

אַן אַטלעסענע קאַפאָטע האָט איר? — פרעגט ער מעשה סוחר און שטייט גרייט מיט אַ פוס צו אַנטלויפן...

— איינע! — ענטפערט דער סוחר — אַזוי פיל מכות זאָלן זיך זעצן מײַנע שונאים אויפן האַלדז... וויפל אַטלעסענע קאַפאָטעס דורך מײַנע הענט זענען דורכגעגאַנגען...

אין עטלעכע מינוט אַרום מעסט דער סוחר אָן דעם חסידישן ייִדן אַ ריפסענע קאַפאָטע מיט אַ שפאַלט פון הינטן.

— וואָס גיט איר מיר! שרײַט דער ייִד — איך וויל אַן אַטלעסענע... אַן אַטלעסענע...

— שאַ,שאַ, שאַ — באַרויִקט אים דער סוחר, איר ווילט אַן אַטלעסענע, איז אַן אַטלעסענע... מיר איז אַלץ איינס... נאָר וואָס האָט איר מורא אָנצומעסטן אַ ריפסענע, שיינע קאַפאָטע... זי וועט אײַך נישט אָפבײַסן, חלילה, און אַ קאַפאָטע איז עס, איז טאַקע נאָר אַזאַ יאָר אויף מיר מיט אײַך צוזאַמען...

יאך מיט אײַער ווײַב זאָלן מיר אַזוי לעבן...

דער ייִדל בייזערט זיך, שרײַט, און די חברה וואָלעווער מעסטן אים, טוען אים אָן אין הונדערטער קאַפאָטעס און ווערטער שיטן זיך:

— אַן אַטלעסענע קאַפאָטע איז נאָר אויף יום־טוב בײַם רבין. אַ ריפסענע קאַפאָטע קען מען גיין אי אויף אַ חתונה, אי אויף אַ ברית, אי אויף אַ שימחה, אי צו געסט. וואָרעם אַ ריפסענע קאַפאָטע איז דאָך שיין, אײַזן־שטאַרק, און אַטלעס צעפאַלט, צעטעפט זיך... הײַנט די סחורה, דער שניט... די קנעפ... דער הענגער...

פאַרשטייט זיך אַז דעם ייִדל העלפט נישט קיין שום זאַך. ער מעג טויזנט מאָל שרײַען „אַן אַטלעסענע וויל איך” און גייט אַוועק מיט אַ ריפסענער ליטווישער קאַפאָטע... אַ סך מאָל קומט צו סקאַנדאַלן. נישט איין מאָל טרעפט זיך, אַז אַהיים קומענדיק מיט דער מציאה דערזעט ערשט דער קונה, ווי מ'האָט אים „אַרײַנגעפרײַערט”. ערשטנס האָט אַ מלבוש פון דער וואָלעווע אַ טבע זיך צו בײַטן איבערן וועג. אין קראָם איז דאָס מלבוש געווען בלוי, און אין דער היים ווערט ער גלײַך געל אָדער גרין אָדער ס'האָט גאָר אַזאַ קאָליר ,וואָס איז נישטאָ אין קיין שום שפראַך נאָר אין ייִדיש — מיתה־משונה־קאָליר. אַ סך מאָל טרעפט, אַז אַ מלבוש, וואָס האָט אויף וואָלעווע געגלאַנצט, איז ווי נאָר מ'קומט דערמיט אַ היים, איז ער פול מיט פלעקן, פאַרלאַטעט, צעגעסן פון מילבן, צעלעכערט. מערסטנס טרעפט עס בײַ הויזן און דווקא נישט אויף קיין שיינעם אָרט. אויף וואָלעווע רופט עס זיך אַ „פאָר הויזן מיט פענצטער”, אָדער אַ „פאָר הויזן וואָס מ'זעט פראַגע”... דער קונה לויפט צוריק, מאַכט אַ גוואַלד — גנבים, שווינדלערס!...

נאָר די „וואָלעווער” ווערן נישט שטאַרק נתפעל דערפון. — איר ווילט נישט — זאָגן זיי — איז נישט. צאָלט צו עפעס, וועט מען אײַך אויסבײַטן אויף אַנדערע.

איצט קוקט שוין דער קונה גוט, ער באַטראַכט יעדן נאָט און קומט אַהיים אַ צופרידענער. אָבער ווי נאָר ער קומט צו זיך אין שטוב, דערזעט ער ווידער אַז איין צרה איז ערגער פון דער צווייטער.

יאָ, אַזאַ טבע האָבן שוין די מלבושים אויף וואָלעווע, וואָס אין קראָם זענען זיי שיין און איבערן וועג ווערן זיי מיט צענדליקער יאָרן עלטער. דאָס איז דער כישוף פון דער וואָלעווע.

יוסף סקורניק (בוענאָס־איירעס)

אָכאָטע

פאַר אָנקומענדיקע פון ראַדאָמער און גריצער טראַקט איז די פאַרשטאָט גראָיעצקאַ־אָכאָטע געווען די ערשטע גאַס וואָס פירט קיין וואַרשע. פון איר ענדפונקט האָט זיך פון איין זײַט אָנגעהויבן די טאָוואַראָווע־גאַס און פון דער אַנדערער זײַט די אַלייע יעראָזאָלימסקע. פאַר די אַרויספאָרנדיקע פון וואַרשע איז עס געווען די לעצטע גאַס פון פוילנס מעטראָפאָליע, און נישט מער. דאָך האָט זיך די לאַנגע און ברייטע גראָיעצקע־גאַס, מיט די קורצע זײַטיקע געסלעך וואָס האָבן אין זייער ענדפונקט געהאַט דעם מאָקאָטאָווער פליפלאַץ פון איין זײַט און דורכגאַנגוועגן צו וואָליע אין דער צווייטער זײַט, — זייער אַ סך זיך אונטערגעשיידט פון וואַרשע. איין שפאַן דוכט זיך פון ענדע גראָיעצקע ביזן אָנהייב טאָוואַראָווע, און שוין זענען די לופט, די סביבה און אויסשפראַך אפילו געווען אַנדערע.

די פרײַע פעלדער מיט די פאַליענדיקע תבואה־זאַנגען, די אַזוי גערופענע „גליניאַנקעס", אין וועלכע חברה פלעגן שווימען, די גרעסערע און קלענערע סעדער אין און אַרום אָכאָטע, ווײַטער אַרויפצו די סענקאַטשינער וועלדער, — דאָס אַלץ האָט פסיכיש געווירקט אויפן אָכאָטער מענטש. די רחבות פון דער נאַטור האָט דעם גלייביקן געמאַכט פאַנאַטישער, דעם דרייסטן פאַרהפקרט און דעם טרוימער מער פאַרחלומט. די פנימער בײַ די אָכאָטער זענען געווען מער פאַרוויטלט און אָפגעברענט ווי בײַ די וואַרשעווער, די באַוועגונגען — פרײַערע און האַסטיקערע. די אָכאָטער האָבן געהאַלטן אַז זיי רעדן אַ בעסערן ייִדיש ווי די וואַרשעווער און טייל מאָל געלאַכט פון דער ספעציפישער וואַרשעווער אויסשפראַך. אָנשטאָט „קליסקאַלאָך מיט מילאָך", ווי ס'פלעגן זאָגן די וואַרשעווער, האָבן די אָכאָטער געזאָגט „קליסקאַלעך מיט מילעך", אאַ"וו.

דאָס ערשטע פאָלקסהויז אין אָכאָטע האָט זיך געגרינדעט אין די יאָרן 1924—1925. דאָרט האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיידלעך מיט בחורים און צוזאַמען געזונגען ביליקע סענטימענטאַלע ליבע־לידער, געשפילט אין „פלירט". דאָס דאָזיקע הויז איז געווען דער פונדאַמענט פאַר דער שפעטערדיקער אַלגעמיינער „פרץ ביבליאָטעק", וואָס אירע גרינדערס זענען געווען ד"ר י. ל. צאַמבער, לאַזער צימלעך, כיל פײַוול פאָגעל, לייזער ווײַנאַפעל, מנשה סקורניק א"אַ.

דעם צעלאָזענעם און פוסטן געדאַנק האָבן אָנגעהויבן צו צוימען די ביכער און זשורנאַלן, וואָס האָבן געמאָנט, געפאָדערט און אויפגעקלערט. די יוגנט פון אָכאָטע איז פון טראַכטן אַריבער צו מעשים, געדאַנקען האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט און יעדער איינער האָט זיך אויסגעקליבן זײַן אידעע. עס זענען געווען בונדיסטן, קאָמוניסטן און ציוניסטן. עס זענען אויפגעקומען אידעיִשע און פאַרטייִשע וויכוחים און רײַסערײַען אין דער ביבליאָטעק. בײַ די יערלעכע וואַלן צו דער פאַרוואַלטונג האָבן שטענדיק געהאַט די מערהייט די צום מערסטן גערעכטע און דערפאַר טאַקע די צום שטאַרקסטן געהאַסטע און פאַרפאָלגטע — די „לינקע". דאָס אַלץ איז נוגע געווען דער ביבליאָטעק. אָבער די פעלדער און בערגלעך וואָס הינטער אָכאָטע, די ביכער, טרוימען און קרעפטיקע געזאַנגען האָבן זיי אַלעמען פאַראייניקט אין איין האַרציקער חברישער גרופע. די קוזשמער בערג און די צעשאָטענע וועלדלעך אויף זיך האָבן אײַנגעזאַפט אַ סך בשותפותדיקע חלומות און די מלאָטשינער וועלדער האָבן ווײַט פאַרטראָגן דעם עכאָקלאַנג פון די האָפערדיקע געזאַנגען, און אים אַראָפגעקײַקלט צו די וואַסערן פון דער ווײַסל, ווּ די געזאַנגען זענען צעשוווּמען געוואָרן אין די דאָרפישע פאַרנאַכטן.

די אָפטע אויספלוגן און די חברישע באַנעמונג האָבן צוגעצויגן אַחוץ דער אַרבעטער־יוגנט אויך די יונגע גאַסן־הענדלערס, וואָס האָבן צוליב דער גרויסער אַרבעטסלאָזיקייט געמוזט זוכן אַנדערע פרנסות, האַנדלען מיט פרוכט, פלעשער, אַלטע אײַזנס און שמאַטעס. דאָס זענען געווען פראָסטע, הפקרדיקע יונגען, וועלכע האָבן זיך געטוליעט צו דער אינטימער וואַרעמקייט און אויפקלערעריש וואָרט פון די חברים פון דער ביבליאָטעק.

מיטן אויסנאַם פון אַ געוויסער צאָל שוסטערס, שנײַדערס און בעקערס, האָבן די אָכאָטער ייִדישע אײַנוווינערס געהאַט דרײַ ספעציפישע פרנסות: קרעמערס, קצבים און סאַדאָווניקעס. דאָס איז נוגע געווען דעם עלטערן דור. די יוגנט אָבער האָט מיט ציין און נעגל געקעמפט מיט אַלע מעגלעכקייטן און באַמיט זיך אַרויסצורײַסן פון די מנחם־מענדל־פאַכן.

קיין אַנטיסעמיטישע און כוליגאַנישע מעשים זענען אין אָכאָטע נישט געטאָן געוואָרן. די פוילישע מויערערס און ציגעלניע־אַרבעטערס און די ייִדישע באַוווּסטזיניקע יאַטן האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט איין געמיינזאַמען כוח, פאַר וועלכן די פאַשיסטישע כוליגאַנישע סטודענטן האָבן מורא געהאַט, כאָטש זיי האָבן אין די הונדערטער געווימלט אין די אַקאַדעמישע הײַזער אין אָכאָטע גופא. דאָס פאַרמלחמהדיקע פוילן, וואָס האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די ווינקעלעך פון וועלכע ס'האָט זיך פאַרשפרייט ליכט און באַוווּסטזײַן, האָט צוויי יאָר פאַרן אויסבראָך פון דער לעצטער מלחמה צוגענומען די לעגאַלקייט און געשלאָסן די י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, וועלכע איז שוין אין גאַנצן געווען באַווירקט פון די „לינקע". די גאַס און די שטיבער האָבן ווײַטער אָנגעהאַלטן די קרעפטיקע און חברישע באַציִונגען צווישן דער באַוווּסטזיניקער און טײַערער אָכאָ־

טער חברה. אַזוי האָב איך זיי פאַרלאָזן אין אַ האַרבסטיקן טרויעריקן פרימאָרגן פון 1939.

טרויעריקע זענען שוין געווען אַלע דעמאָלטיקע פרימאָרגנס. צעשראָקענע ייִדישע בליקן האָבן דורך שפּאַרעס פון פאַרהאָנגענע פענצטערס נאָכגעקוקט און נאָכגעפאָרשט די שווערע באַשטיוולטע טריט פון די דײַטשישע וואַנדאַלן, וואָס אין שוואַרצע און אין טונקלברוינע מונדירן האָבן זיי פאַרפלייצט די אָכאָטער טראָטואַרן. אַזוי האָט אויסגעזען אָכאָטע ווען איך האָב זי פאַרלאָזט.

גאָר אַנדערש האָב איך געטראָפן מיין היימאָרט, ווען איך בין צוריקגעקומען פון ווייטן קאַזאַכסטאַן, אין די עשאַלאָנען מיט הונדערטער טויזנטער געראַטעוועטע פּוילישע ייִדן.

וויפל איך האָב געוווּסט פון הערן, לייענען און שמועסן מיט רויטאַרמייִשע אינוואַלידן וועגן גרויל און חורבן, איבער הויפּט פון ייִדישן פּוילן, האָב איך מיר נישט געקאָנט פאָרשטעלן דאָס בילד וואָס אָכאָטע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אין פרילינג 1946.

כ׳האָב אָבער אָנגעהויבן באַנעמען די גרויסע טראַגעדיע, ווען איך האָב אָנגעקוקט מײַן אַמאָליקן אָכאָטע און זיך אײַנגעהערט אין דעם גביעת־עדות פון מײַנע אַמאָליקע פּוילישע חברים.

ס׳האָט גענוג דערשיטערט דער טרויעריקער אויסזען פון דער לאַנגער גראָיעצקער גאַס, פון וואַנען עס זענען פאַרשוווּנדן די געמויערטע הײַזער. די אײַנגעפאַלענע דעכער און ווענט, וואָס זענען אין מיליאָנען טאָנען געלעגן אין בערג פון צעשאָטענע ציגל, פאַרסאַזשעטע פון פײַער און רויך, פון וועלכע ס׳האָט אַרויסגעשפּראָצט גאַנצע הויפנס פון ווילדן גראָז און שטעכיקע קוסטעס, האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה. און וואָלט דען פאַר מיר געווען אַ טרייסט אפילו ווען איך טרעף די אַלע הײַזער גאַנצע און גלײַכע ווי אַ מאָל, אָן די אַלע ייִדישע משפחות וואָס האָבן זיי באַוווינט?

פון דער גאַנצער עדה ייִדן האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט אַ פינף, זעקס יונגע מענטשן. פון אַלע אָכאָטער אײַנוווינערס איז געבליבן איין איינציקע גאַנצע משפחה, און דאָס איז אַ דאַנק זייער אַנטלויפן קיין רוסלאַנד. דאָס איז די פאַמיליע פונעם אַלטן סאַדאָווניק בעריש סקורניק.

כ׳האָב געוואַנדערט צווישן חורבות, זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם, אויף יענעם, און געפּרוּווט אויפלעבן אין מײַן זכרון די טײַערע, שיינע און געזונטע טיפּן פון מײַן געבוירן־אָרט.

איך שטיי בײַ אַ חורבה אין געוועזענעם צענטער פון דער אַמאָליקער געדיכטער ייִדישקייט. דאָס גרויסע דרײַשטאָקיקע הויז האָט באַלאַנגט צו דער פאַרצווײַגסטער ייִדישע משפחה אין אָכאָטע, צו דער פאַמיליע ראַוויטש. ראַוויטש איז געווען דער סינאָנים פאַר די מלוכישע אָדער פּאָליציייִשע ענינים. פאַר די אײַנוווינערס פון אָכאָטע זענען דאָס געווען די „דזוואָנצעס" (פון פּוילישן וואָרט „דזוואָניטש", קלינגען) און אָכאָטע האָט טאַקע מיט זיי געקלונגען. רײַך אין געלט און אין מענטשן, האָבן זיי צוזאַמען מיט די זין, טעכטער, אייניקלעך און אוראייניקלעך געציילט קרוב צו צוויי הונדערט מאַן. פילפאַרביק איז געווען די דאָזיקע פאַמיליע, צווישן וועלכער ס׳האָבן זיך געפונען גרויסע לערנערס און גערער חסידים, אויפגעקלערטע ציוניסטן, פּראָסטע קצבים־יונגען, און צווישן די ייִנגע אייניקלעך האָבן זיך געפונען גוטע אַרבעטער־עלעמענטן און וווילע חברים־טוערס. אויסער איין ראַוויטש וואָס געפינט זיך אין אַרגענטינע, האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט צוויי אייניקלעך, איינער פון אַשוויענטשימער לאַגער און דער צווייטער אין ראַטן־פאַרבאַנד.

פון די איבעריקע „דזוואָנצעס" איז קיינער נישט געבליבן... שטייט די חורבה פון אַמאָליקן לעבעדיקן און רוישנדיקן דרײַשטאָקיקן קאַסטן, די ווינטן וואָיען אַזוי אומהיימלעך און טראָגן אַוועק אין דער פאַרגעסנקייט דאָס לעצטע פון אַמאָליקן לעבן.

און אָט געפין איך זיך בײַ אַ קלענערער חורבה, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן איינשטאָקיק הויז און האָט געהערט צו פײַוועלע פּעלערמאַן, אַ רײַכער אָנגעזעענער ייִד אין אָכאָטע. **ער** האָט פאַרמאָגט אַ גרויסע בעקערײַ און אַ געשעפט אינעם זעלביקן הויז. גערופן האָט מען אים פײַוועלע „בענקאַרט", צוליב זײַן דורכגעטריבענער קלוגשאַפט. אַזוי רײַך ווי ער איז געווען אין אָכאָטע, אַזוי אָרעם איז ער געווען אינעם געטאָ, און בפועל ממש אויסגעגאַנגען פון הונגער צוזאַמען מיט זײַן גאַנצער משפחה, אַחוץ איין זון וואָס האָט באַוויזן צו אַנטלויפן אין ראַטן־פאַרבאַנד (הײַנט געפינט ער זיך אין ישראל). אין זעלביקן הויז האָט אויך געוווינט יאָסל „פראַנקיעוויטש" אָדער יאָסל גאָלדשמיד. אַ קליינע פאַמיליע, אָבער די הערצער אַזוי גרויס און טײַער, אַז די גאַנצע בעסערע יוגנט פון אָכאָטע האָט זיי אַרומגערינגלט, זיי געליבט און געשעצט. די געפּלאָגטע טײַערע יאָטן, וועלכע האָבן זייער גאַנץ לעבן און ענערגיע געווידמעט דעם בעסערן מאָרגן, און זענען כסדר פאַרפאָלגט געוואָרן מצד דער פּאָליציי, האָבן אין דער ענגער וווינונג פון דעם ברוינאַויגיקן און גוטמוטיקן יונג, שטענדיק געפונען אַ וואַרעם און זאַטן ווינקל; ס׳האָט זײַן טײַערער און גוטער כאַראַקטער נישט אָפּגענאַרט... ווען מ׳האָט זײַן גוטע און איידעלע פרוי (איידל) און זייער איינציקן זון (פּיניעלע) דעפּאָרטירט אויף אומקום, האָבן חברים פון דער אונטערערד יאָסלען געוואָלט אַרויסראַטעווען פונעם געטאָ, ווו ער האָט געאַרבעט ווי אַ גוטער פאַכמאַן, — אין די מעכאַנישע וואַרשטאַטן. מ׳האָט שוין געהאַט צוגעגרייט פאַר אים אַן אַרישן פּאַס, אָבער יאָסל האָט קאַטעגאָריש אַלץ אָפּגעוואָרפן, ווײַל ער האָט באַשלאָסן צו בלײַבן מיט די וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן צוצוגרייטן דעם אויפשטאַנד אינעם וואַרשעווער געטאָ.

ווער איז געבליבן, און ווער וועט דערמאָנען אַזעלכע טײַערע חברים, וואָס זענען אַדורך דורכן לעבן אַזוי קעמפעריש און מוטיק, אַזוי שטיל און באַשיידן? איך זיץ אויף אַ הויפן ציגל און הער זיך צו צו דער פײַערלעך־טרויעריקער שטילקייט וואָס טראָגט זיך פון די חורבות. דאָ אויף דעם אָרט האָט אַ מאָל געוווינט סראָל ביק (וווּלף). דאָס איז געווען אַ הויכער ברייטפּלייציקער ייִד, אַ הדרת־פּנים, אַ געוועזענער גרויסער לערנער וואָס האָט זיך שפּעטער איבערגעדרייט צוזאַמען מיט זײַנע פיר פעסטע און געזונטע יונגען — פון וועלכע איינער, שמואל יאַנקל, איז געהרגעט געוואָרן אין אַן ערשטער־מײַ־דעמאָנסטראַציע — און איז אַוועק צו דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפט. ווו זענען זיי אַלע אַהינגעקומען? ווי אַזוי האָבן זיי זיך אויפגעפירט אין די לעצטע מאָמענטן פאַרן שוידערלעכן אומקום? ווער וועט וועגן זיי דערציילן?

אַ באַהערשטער פון אומעטיקע געפילן שפּאַן איך איבער בערגער און גריבער, און זוך דאָס הויז ווו איך האָב אַלע מײַנע יאָרן געלעבט און געהאָפט, געקעמפט און געטרוימט. אָבער עס ציט מײַן אויפמערקזאַמקייט אַ גאָר גרויסע חורבה. דאָ אויפן דריטן שטאָק האָט געוווינט דער אַלטער אָכאָטער רב, וועלכער האָט געשמט ווי אַ גאָר גרויסער למדן און קלוגער ייִד. איך געדענק אים שטענדיק אין באַגלייטונג פון ברוך שמש, אַן אייביק הונגעריקער, פריילעכער ליץ. די גאַס האָט זיי גוט געקאָנט און גויִם האָבן מיט דרך־ארץ זיי אָפּגעטראָטן דעם וועג. די געדיכטע לאַנגע באָרד פונעם רב, אַ

ברוין פאַרגעלטע, האָט דוכט זיך פאַרמאָגט מער שמעקטאַבעק און ביליקן רייכער־טיטון ווי אַן אָכאָטער קרעמל פון דעם אַרטיקל.

ענדלעך דערקען איך די חורבה וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מאָל דאָס צווייטשטאָקיקע הויז פון אַנטאָני וואָלסקי, אין וועלכן איך האָב געוווינט ביזן אויסבראָך פונעם קריג.

אין הינטערגרונט איז דאָ אַ מאָל געשטאַנען אַ יונג סעדל פון באַרן און עפּל. אין דעם סעדל האָט דער ווירט געהאָדעוועט און געוואַרעמט אונטער „ספּעקטן" (גלעזערנע דעכער) פאַרשידענע בלומען. און דאָ האָט דער יונגער וואָלסקי געמאַכט אַ קונציקן און טיפן בונקער אין וועלכן ס'האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אַ פּאָר ייִדישע פאַמיליעס, וואָס האָבן באַצאָלט דערפאַר אַ גרויסן אוצר פון גאָלד און בריליאַנטן. דאָס זענען געווען רײַכע לאָדזשער פאַבריקאַנטן. און ווען נישט אַן אומגליקלעכער צופאַל — וואָס מ'האָט געדאַרפט אַריינפירן אַ דאָקטאָר צו אַ שוואַנגערער פרוי — וואָלטן מיר הײַנט געווען אַ סך, אַ סך רײַכער אין ידיעות, פאַקטן און מאַטעריאַלן וועגן אומקום פונעם וואַרשעווער ייִדנטום, ווײַל צווישן די פּאָר פאַמיליעס האָט זיך אויך געפונען דער ד"ר ע. רינגעלבלום. דער פאַל האָט פּאַסירט האַרט פאַר דער דײַטשער קאַפּיטולאַציע.

שווער, זייער שווער איז מיר אויסצורעכענען אַלע מענטשן: טרעגערס, חסידים, מלמדים און דער עיקר די טיפּן פון צעשויבערטע, אַנטבלויזטע קעפּ און פרײַע פאַרברווינטע פּנימער פון מײַן טײַערער ייִדישער אַרבעטער־יוגנט, שטענדיק מיט ביכער אין די הענט, שפּרײַזנדיקע, אַ מוטיקע, קעמפערישע פאַר אַ בעסערן מאָרגן.

איך זיץ מיט אַ געזונקענעם קאָפּ און מײַנע בליקן פאַלן אויף שוואַרץ־פאַרברענטע ציגל און קופּעס אַש, דורך וועלכע ס'רײַסן זיך אַדורך יונגע גרינע און שוואַרצע גראָזן. ס'שטיקן מיך אין האַלדז די טרערן... ווו זאָל איך זוכן אײַערע קברים אויף וועלכע איך זאָל אָנשטאָט אַ קדיש כאָטש אַ בלום אַוועקלייגן? מיט טרויער פאַלט צו די נאַכט וועלכע הילט אײַן די חורבות אין אַ נאָך טיפערער שטילקייט, וואָס ברענגט מיר נישט קיין שום ענטפער...

* * *

יהושע גראָסבאַרד (חיפה)

די לעצטע אויסשטעלונג פון יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקערס אין פּוילן

האַרט פאַרן אויסבראָך פון דער גרויזאַמער צווייטער וועלט־מלחמה, אין די חדשים פעברואַר און מאַרץ 1939, האָט דער „פאַראיין פון יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקער אין פּוילן" געהאַט אין וואַרשע זײַן 5טן „יובל־סאַלאָן". דאָס איז געווען די לעצטע אויסשטעלונג פון יידישע קינסטלערס אין פּוילן, ביז דער באַפרײַונג — אויב ניט רעכענען די טעטיקייט פון די פּלאַסטיקערס אין געטאָ.

דער 5טער יובל־סאַלאָן איז געפּלאַנט געוואָרן אַלס אַ וויכטיקע אונטערנעמונג ,וואָס האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו:

1.—דעמאָנסטרירן דאָס בעסטע וואָס ווערט געשאַפן אין דער קונסט דורך יידישע פּלאַסטיקערס אין פּוילן;

2. — קאָנסאָלידירן אַרום דעם פאַראיין דעם גרעסטן טייל יידישע קינסטלערס, בכדי אַזוי אַרום צו פאַרשטאַרקן די השפּעה פון פאַראיין אויף אַלע געביטן פון יידישער פּלאַסטישער טעטיקייט.

(די רעגירונג האָט פאַרבאָטן צו געהערן צו צוויי פּאַראַלעלע פאַראיינען; זענען יידישע קינסטלערס אַרויסגעטראָטן פון פּוילישן פאַראיין און זיך אָנגעשלאָסן אין יידישן פאַראיין).

עס איז שווער פעסטצושטעלן אויף וויפיל די צילן זענען דערגרייכט געוואָרן. וואָס שייך דעם ערשטן ציל, איז די אויסשטעלונג, נישט געקוקט אויף אַ סך פעלערן פון אָרגאַניזאַציע און זשורי, וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק, וואָס האָט אונטערגעשטראָכן דעם אַנטוויקלונגס־וועג און די דערגרייכונגען פון דער יידישער פּלאַסטישער קונסט אין פּוילן. עס איז אויך גערעדט געוואָרן וועגן די אײַנפלוסן פון די מאָדערנסטע ריכטונגען פון דער פראַנצויזישער קונסט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קונסט, וואָס דאָס האָט דאָך נישט געשטערט דעם גרעסטן טייל קינסטלערס דורכצופּלעכטן די שאַפונגען מיט אַ געוויסן נאַציאָנאַלן קאָלאָריט ,וועלכער איז געווען אייגנאַרטיק דעם גרעסטן טייל יידישע פּלאַסטיקערס אין וואַרשע און אין פּוילן בכלל.

דער יובל־סאַלאָן איז געווען די טעמע פון טאָג בײַ די יידישע און נישט־יידישע באַזוכערס פון דער אויסשטעלונג. בשעת דער אויסשטעלונג זענען אָרגאַניזירט געוואָרן אונטערנעמונגען ווו עס זענען געפירט געוואָרן שמועסן וועגן קונסט בכלל און פּלאַסטישער קונסט בפרט.

אַ קליינע גרופּע קינסטלערס פון דער „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט" האָט געהאַלטן די אויסשטעלונג ווי אַ קאָנקורענץ־אויפטו קעגן דעם אַלגעמיינעם „פאַראיין פון פּלאַסטיקער" און זיי האָבן געפּרוּווט מאַכן שבת פאַר זיך. מאַרק שאַגאַל איז אײַנגעלאַדן געוואָרן זיך צו באַטייליקן אין דער אויסשטעלונג פון „יובל־סאַלאָן". אָבער על פּי טעות האָט ער געשיקט זײַנע בילדער אויפן אַדרעס פון דער „געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט". די דאָזיקע גרופּע, מיטן מאַלער טיקאָטשינסקי בראש ,האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוגעבן די בילדער פאַר דער אויסשטעלונג. אַחוץ די יידישע קינסטלערס פון פּוילן האָבן זיך אין דער אויסשטעלונג באַטייליקט יידישע קינסטלערס פון פראַנקרײַך, ווי מאַנע קאַץ און זיגמונט מענקעס.

דער „פאַראיין פון יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקער אין פּוילן" האָט אויסגעאַרבעט גרויסע פּלענער וועגן אַנטוויקלען דאָס יידישע קינסטלערישע לעבן אין וואַרשע און אין פּוילן, אָבער דאָס אַלץ איז טראַגיש צעשטערט געוואָרן דורך היטלערס פאַשיסטישע וואַנדאַלן. וואָס שייך איינצלנע קינסטלערס, דאַרף מען קודם כל רעדן וועגן דעם גרינדער פון „פאַראיין פון יידישע קינסטלער־פּלאַסטיקער" פעליקס פרידמאַן, וואָס איז אַגב געווען דער פאָרזיצער פון פאַראיין *). פרידמאַן איז געווען אַ טעמפּעראַמענטפולער מאַלער, בעיקר אַ קאָלאָריסט. ער האָט געמאָלן מיט זייער אינטענסיווע פאַרבן. קיין ספּעציעלע טעמאַטיק האָט ער נישט געזוכט.

ראָמאַן ראָזענטאַל איז אויך געווען אַ גוטער קאָלאָריסט, אָבער האָט דאָך שטאַרק אונטערגעשטראָכן די פאָרעם און אַזוי אַרום בולטער געמאַכט די טעמאַטיק פון זײַנע בילדער.

אהרן בלאַופוקס האָט געשאַפן אָרנאַמענטאַל־דעקאָראַטיווע בילדער. זײַנע בילדער האָט ער געמאָלט אין אַ טעכנישער פאָרעם ווי מאָזאַיִק.

איגנאַצי הירשפאַנג איז געקומען פון פראַנקרײַך און איטאַליע, און האָט אויסגעשטעלט בילדער פון אַ רעאַליסטישן ווערט.

פון בערנאַרד ראָלניקס אַרבעטן האָט געהויכט מיט ראָמאַנטיק און בענקשאַפט צום פּוילישן פּייזאַזש.

אברהם גוטערמאַן, וואָס איז באַקאַנט געווען אין די וואַרשעווער אַרבעטער־קרײַזן, האָט געמאָלט אויף אַקטועל פּאָליטישער טעמעס, ווי „עקסמיסיע", „אַרבעטלאָזע", „אויפן פראָנט". ער האָט אָבער מיט זײַנע קוביסטישע פאָרמען נישט געפונען די מעגלעכקייט

---

*) די אַנדערע מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג זענען געווען:
בערנאַרדאָ ראָלניצקי — וויצעפאָרזיצער;
ראָמאַן ראָזענטאַל — סעקרעטאַר;
אהרן בלאַופוקס — קאַסיר;
הענריק שפּיגעל, משה רינעצקי, בערנאַרד האָהן.

גענוג פאַרשטענדלעך צו זײַן דעם אַרבעטער־באַזוכער, פאַר וועמען אייגנטלעך די בילדער זענען געווען באַשטימט. דערקעגן זענען וואָרעם אויפגענומען געוואָרן זײַנע מער רעאַליסטישע אַרבעטן, ווי „דער פאַרטאָג”, נישט געקוקט דערויף וואָס די טעמע איז געווען דורכגעפלאָכטן מיט סימבאָליזם.

דאָס דערמאָנטע בילד ,געמאָלט אין אַ שטילער בלוי־גראָליכער גאַמע, האָט פאָרגעשטעלט אַ פאַרטאָג אין שטאָט. אַלץ שלאָפט און ערגעץ אויף אַ דעכל שטייט אַ האָן און קרייט.

עס איז אפשר כדאי צו דערמאָנען אָט דעם קוריאָז: אַ באַזוכער האָט געוואָלט קויפן דאָס בילד צוליב זײַן רעוואָלוציאָנערער סימבאָליק. עטלעכע מאָלערס האָבן אים אָפגערעדט, אָנווײַזנדיק אַז דאָס בילד איז נאָר פאַר אַ קלוב, פאַר אַ מוזיי, אַ רעוואָלוציאָנערן פאַרשטייט זיך. דער קונה האָט זיך געלאָזט אָפרעדן און געקויפט „די ווילנער סינאַגאָגע” פון בן ציון צוקערמאַן...

ס׳דערמאָנט זיך די סימפאַטישע מאָלערין געלע סעקשטיין, וואָס האָט געזוכט אַרײַנצוברענגען אין אירע בילדער פאַרב פון ליבע און פרייד, ווי ס׳פאַסט פאַר אַ לערערקע פון אַ ייִדישער אַרבעטער־ און פאָלקס־שול.

איך וויל אויך דערמאָנען די צאַרטע ווילנער מאָלערין ראָזאַ סוצקעווער (געלערנט בײַ לודאָמיר שלענדזינסקי), וואָס איר בילד „פליטים” איז געווען ווי אַ וואָרענונג פאַר די געשעענישן וואָס האָבן זיך דערנענטערט.

פון די מעטאַל־פלאַסטיקערס דערמאָנט זיך יוסף שליוויניאַק מיט זײַנע גרויסע סטיליזירטע בלעכן, וואָס האָבן געדינט בינע־קינסטלערס צו פאַרשאַפן אַ קולטורעלן גענוס.

חיים האַנפט, אַ גוטער רעאַליסט, האָט געשטרעבט צו מאָנומענטאַליזם. ער האָט געשאַפן פיל אַרבעטן אין באַפרײַטן פוילן. געשטאָרבן אין וואַרשע אין 1952.

דער גראַפיקער יוסף הערמאַן, וואָס זײַן פאָרטרעט פון דומיער האָט געמאַכט זייער אַ שטאַרקן אײַנדרוק, איז אַקטיוו אַלס קינסטלער אין ענגלאַנד.

דער פײַנער אילוסטראַטאָר־גראַפיקער מענדל רייף האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַנע פרעכטיקע אילוסטראַציעס צו י. מאַנגערס „וווּנדערלעכע לעבנס־באַשרײַבונגען פון אַבאַ אָבערוואַ”.

דער זייער טראַגישער יחיאל טינאָוויצקי האָט געמוזט קראַנקערהייט האָרעווען פאַר די פאַרלעגערס פון „אילוסטראַציעס צום תנך” ,באַפרידיגנדיק זייערע פאַרלאַנגען און געשמאַקן. ער האָט ווייניק געקענט שאַפן און נישט געבראַכט צום אויסדרוק זײַנע אייגענע געדאַנקען.

די עקאָנאָמישע לאַגע פון די קינסטלערס איז געווען זייער אַ שווערע. נאָר איינצלנע קינסטלערס האָבן געלעבט פון זייערע שאַפונגען. דער גרעסטער טייל ייִדישע פלאַסטיקער האָט געמוזט זוכן אַנדערע באַשעפטיקונגען בכדי צו קענען עקסיסטירן. די מערהײַט ייִדישע פלאַסטיקערס האָבן געשטאַמט פון די אַרבעטנדיקע שיכטן און דערמיט דערקלערט זיך זייער צוגעבונדנקייט צו די פאָלקס־מאַסן.

אין 1937 האָט זיך געגרינדעט אין וואַרשע אַ גרופע פראָגרעסיווע קינסטלערס. דער עפנטלעכקייט איז ניט געווען באַקאַנט די עקסיסטענץ פון אַזאַ גרופע. זיי האָבן אָבער געאַרבעט צוזאַמען און געהאַט אַן אייגענעם לאָקאַל. די גרופע האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו דינען מיט אירע שאַפונגען די ברייטע אַרבעטער־מאַסן פון וואַרשע.

צו דער גרופע האָבן געהערט מאיר אַפלבוים, מאַרישע ריגער, יאָאַכים קאָרנבליט, יוסף הערמאַן, א. סקורניק, יחיאל טינאָוויצקי, בתיה פריידקעס, יהושע גראָסבאַרד, חיים האַנפט, געלע סעקשטיין, לאַנדאַ, יצחק פערל און אַנדערע. די פוילישער מאָלערס באַרטאָשעק און זיגמונט באַכאָווסקי (ביידע האָבן דעם 20טן אַפריל 1943 געאײַלט מיט הילף די וואַרשעווער געטאָקעמפערס אין אַן אָפטייל פון דער „פאָלקסגוואַרדיע אויפן נאָמען פון לודוויק וואַרינסקי” און זענען געפאַלן אין קאַמף) פלעגן באַזוכן די גרופע ,און עס זענען געפירט געוואָרן לעבהאַפטע שמועסן.

זאָלן די דאָזיקע שורות זײַן אַן אָנדענק לכבוד די וואָס זענען געפאַלן פון די נאַצישע קאַניבאַלן. זאָלן די שורות דינען ווי אַ וואָרענונג לגבי די לעבעדיקע, אַז זיי דאַרפן שטיין אויף דער וואַך פאַר שלום, בכדי צו קענען אָנגיין מיט דעם קאַמף צו שאַפן באַדינגונגען פאַר פאַרזיכערן די עקסיסטענץ פון דער מענטשהייט, פון דער קונסט און פון אירע שעפערס.

וועגן דער עפענונג פון דער דאָזיקער אויסשטעלונג האָט דער וואַרשעווער זשורנאַל „ליטעראַרישע בלעטער” נומער 5, 1939 געבראַכט די ווייטערדיקע ידיעה:

זונטיק, דעם 19טן פעברואַר 1939 אין דער פרי, איז אויף דלוגע 26 פאָרגעקומען די פײַערלעכע עפענונג פון דעם פינפטן יובל־סאַלאָן פון ייִדישן קינסטלער־פלאַסטיקער־פאַראיין אין פוילן. צו דער עפענונג איז געקומען אַ קאָלאָסאַלער עולם באַזוכער, וואָס האָט אָנגעפילט די זאַלן פון דער אויסשטעלונג. ס׳זענען געווען אינטעלעקטואַלן, שריפטשטעלערס, קינסטלערס און ליבהאָבערס פון קונסט. דער אינטערעס פון דער אויסשטעלונג איז געווען אַ געוואַלטיקער. די אויסשטעלונג האָט געעפנט די קהילה־פאָרזיצער ה׳ מאַוריצי מייזעל, וועלכער האָט געהאַלטן אַ רעדע איבער דער באַדײַטונג פון דער פלאַסטישער קונסט און די אויפגאַבן פון אַזאַ קולטור־אונטערנעמונג ווי די אויסשטעלונג פון די ייִדישע פלאַסטיקערס. נאָך אים האָט גערעדט דער פאָרזיצער פונעם פאַראיין פון ייִדישע קינסטלערס־פלאַסטיקערס פעליק פרידמאַן, וועלכער האָט אָנגעוויזן אויפן קאַמף, וואָס דער ייִדישער קינסטלער פירט כלפי־חוץ און כלפי־פנים, בכדי זיך צו דערווערבן און פאַרפעסטיקן זײַנע פאָזיציעס אין דער וועלט פון קונסט און אינעם ייִדישן לעבן, ווײַל די ייִדישע קונסט איז אַ טייל פונעם ייִדישן קולטור־פאַרמעגן. דער ייִדישער קינסטלער אין פוילן איז אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די ייִדישע מאַסן, וואָס ער איז מיט איר אויסגעקנאָטן פון איין פלייש, און וואָס אירע ליידן און אינטערעסן זענען אויך זײַנע. הגם די ייִדישע פלאַסטיק האָט אַ סך געלערנט און גענאָסן פון די גרויסע דערגרייכונגען פון דער פראַנצויזישער מאָלעריי, האָט זי אָבער תמיד געשטרעבט זיך נישט אָפצורײַסן פון די ייִדישע עלעמענטן. די ייִדישע פלאַסטיק האָט תמיד זיך באַמיט צו שאַפן דעם פונדאַמענט פון דער ייִדישער קונסט, צו אַנטפלעקן די אייגנאַרטיקייטן פון אונדזער לעבן און זיך צו באַהעפטן מיט אונדזערע אייביקע ווערטן. דער פאַראיין פון די ייִדישע קינסטלערס־פלאַסטיקערס שטרעבט, אַז די אַרבעט פון די ייִדישע קינסטלערס זאָל ווי געהעריק אָפגעשאַצט ווערן דורך דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט. לויט דער איניציאַטיוו פון דער פאַרוואַלטונג פון פאַראיין איז געגרינדעט געוואָרן אַ קונסט־ליבהאָבער־סעקציע, כדי צו

רעאַליזירן אַלע קינסטלערישע באַדערפענישן און ענגער פאַרבינדן די ייִדישע קינסטלערס מיט דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט. ס'וועלן געשאַפן ווערן די מעגלעכקייטן צו מאַכן צוגענגלעך די שאַפונגען פון די קינסטלערס פאַרן ברייטערן עולם און צו פּאָפּולאַריזירן די קונסט דורך אויסשטעלונגען און פאָרטראַגן.

נאָך דער עפענונג האָט דער עולם באַטראַכט די קונסט־עקספּאָנאַטן. די גרויסע זאַלן זענען איבערפולט מיט די מאָלערײַען, סקולפּטורן, מעטאַלאָפּלאַסטיק און גראַפּישע ארבעטן פון די ייִדישע קינסטלער. עס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן איבער הונדערט פופציק ווערק פון אַן ערך זיבעציק קינסטלער. אין די אויסשטעלונג באַטייליקן זיך פאָלגנדיקע קינסטלער:

מאָלערײַ: חיים אוריסאָן, עווא בזשעזינסקאַ, שלום ביאַלאָגורסקי, אהרן בלײַפוקס, בענגים, פעליקס גאָרפינקל, פרידע גאָלדפעדער ,בעטי גומענער, אברהם גוטערמאַן, הדסה גורעוויטש, יודל גראָבער, געניאַ גראָסמאַן, בועז דולמאַן, חיים האַנפט, איגנאַצי הירשפאַנג, זכריה הערשמאַן, וואָלף וויטאַל, ש. גראָסבאַרד־וויעלקאַבראָדאַ, לוציאַ מעלצער־שווייגער, בער זאַלקינד, רויזע זילבערקראַנץ, יעקב טשאַרנעצקי, רפאל כוואָלעס, משה לייבאָווסקי, נתן לעאין, מאַנע קאַץ, הענריק מאַר, אברהם מיכאַלאָוויטש, זיגמונט מענקעס, שלמה נוסבוים, רחל סוצקעווער, י. סטוצער, געלע סעקשטיין, אברהם סקורניק, פעליקס פרידמאַן, יצחק פערל, משה פרעזמאַן, בנציון צוקערמאַן, רוזשאַ צימערמאַן, הערש צינאַ, יאָאַכים קאָרנבלוט, ראָמאַן ראָזענטאַל, לעאָן ראָזענבערג, בערנאַרד ראָלניצקי, בענאָ ראָלניצקי, משה רינעצקי, י. מ. שווערגאָלד.

סקולפּטור־מעטאַלאָפּלאַסטיק: העלענאַ גלאַגאָווסקאַ, חיים האַנפט, הענריק לויפער, מענדל לאַכאָווער, זיגמונט מעסער, יוסף פיינגאָלד, דוד פעפער, יוסף שליווניאַק, דוד שעכטער, הענריק שפּיגעל.

גראַפיק: יוסף הערמאַן, חיים טיבער, יחיאל טינאָוויצקי, בנציון מיכטאָם, שלמה נוסבוים, י. סטוצער, מענדל רייף, משה רינעצקי.

צייכענונגען: ל. וועלטשער־שווייגער, יעקב טשאַרנעצקי, שלמה נוסבוים, משה רינעצקי, איגנאַצי הירשפאַנג.

IV.

געטאָ

דער פלאַן פון געטאָ בעתן אויפשטאַנד

אַפּריל — מאַי 1943


קאַטוילישער בית-עולם
יידישער בית-עולם
ברוערס-פאַבריק
בערשטער געביט
קראַשינסקיס גאָרטן
זאַקסישער גאָרטן
שילינגס אַ. אַ. פאַבריקן
פאַבריקן פון פעטבעס און שולץ
פּאַוויאַק תּפיסה
תּפיסה
מוראַנאָווער פּלאַץ
קראַשינסקי פּלאַץ
מיראָווער פּלאַץ
באַנק-פּלאַץ
גזשיבאָווער פּלאַץ
פּאַריסער פּלאַץ
אייזערנער טויער
סטאַווקי
דזשיקע
ניסקע
מילע
מוראַנאָווסקע
גענשע
פּאַווייע
דזשעלנע
נאָוואָליפּקי
נאַלעווקעס
זאַמענהאָפ
לעשנאָ
עלעקטאָראַלנע
לעשנאָ
אָגראָדאָווע
כלאָדנע
קראָכמאַלנע
קאַרמעליצקע
אייזערנע
פּראַנציסקאַנער
באָניפּראַטערסקע
קאָנוויקטאָרסקע
דיקע
שטאַווקע
ספּאָקאָינע
פּאָוואָנזקאָווסקע
קאַלישע
אָקאָפּאָווע
גלינקע
שפּיטאַלנע

ערקלערונגען:

0 100 200 300 400 500 מ.

1. דער ערשטער קאַמף דעם 19-טן אַפּריל אינדערפרי.
2. דער צווייטער קאַמף דעם 19-טן אַפּריל אינדערפרי.
3. די ווייס-רויטע פאָן פון די אויפשטענדלער דעם 19-טן אַפּריל.
4. די קאַמפן דעם 19-טן, 21-טן אַפּריל. דער איבערגאַנג פון אַ גרופּע אויפשטענדלער דורכן טונעל אויף דער „אַרישער" זייט דעם 21-טן אַפּריל.
5. די רויטע פאָן איבערן בונקער אויף מילע 29. דער קאַמף פאַרן בונקער דעם 20-טן אַפּריל.
6. די קאַמפן דעם 20-טן און 21-טן אַפּריל, דער אַנגריף פון דער פאָלקס-גוואַרדיע אויף די פּאָזיציעס פון שונא (פון דרויסן).
7. דער אַנגריף פון דער פאָלקס-גוואַרדיע פון דרויסן און פון די אויפשטענדלער פון אינעווייניק דעם 20-טן אַפּריל.
8. דער אַנגריף אויפן שונאס קאָלאָנע דעם 20-טן אַפּריל אינדערפרי
9. די קאַמפן דעם 20-טן אַפּריל
10. דאָס אַרויספירן דורך דער פאָלקס-גוואַרדיע אַ גרופּע אויפשטענדלער דורך די קאַנאַלן דעם 28-טן אַפּריל
11. דער קאַמף אַרום דער פאַרטיידיקונג פונעם בונקער דעם 1-3-טן מאַי.
12. דער קאַמף דעם 2-טן מאַי
13. דער לעצטער קאַמף פונעם שטאַב פון אויפשטאַנד דעם 8-טן מאַי אויף מילע 18.
14. דער אַנגריף פון די אויפשטענדלער אויף די מויערן און דער קלאַפּ פון דער פאָלקס-גוואַרדיע פון אויסן אין דער נאַכט פון 13-טן אויפן 14-טן מאַי בעת דעם כאַאָטישן נקמה-אַנפאַל.
15. דאָס אויפרייסן די גרויסע סינאַגאָגע דעם 16-טן מאַי
16. דער קאַמף פון אַ גרופּע אויפשטענדלער, וועלכע האָט זיך אַרויסגעריסן פון געטאָ, מיט דער דייטשישער און גראַנאַטענער פּאָליציי אין דער צווייטער העלפט פון מאַי

- ← אויפשטענדלער
- ⬅ פאָלקס-גוואַרדיע
- ⇐ דער שונא
- ● די פאַרטיידיקונג פון די בונקערס
- ⚡ די לעצטע גרענעצן פונעם געטאָ

לויט דעם פּראָיעקט פון ב. מאַרק געצייכנט י. רייזמאַן

בער מאַרק (וואַרשע)

דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

אַרײַנפיר

דער טאָג פונעם 19טן אפּריל וועט בלײַבן אויף אייביק איינע פון די דערהויבנסטע דאַטעס אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אין דעם טאָג וועלן די פרײַהייט־ליבנדיקע פעלקער פון גאָר דער וועלט, אין איינעם מיט די ייִדישע מאַסן, דערמאָנען מיט יראת־הכבוד און הייליקן ציטער דעם אָנדענק פון די העלדן, וואָס זענען געפאַלן אויף די ברענענדיקע גאַסן און אונטער די חורבות פון ייִדישן וואַרשע בעת די טראַגישע טעג פון די חדשים אפּריל, מײַ און יוני 1943 — אין אומגלײַכן קאַמף קעגן דעם פערפידן, באַרבאַרישן און אכזריותדיקן דם־שונא פון דער מענטשהייט, אין איבערמענטשלעכן גערანגל פאַרן כבוד פון פאַרפײַניקטן ייִדישן פאָלק, פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון לײַדנדיקן פוילן, פאַר אַ ליכטיקער צוקונפט פאַר ייִדן און פאַר אַלעמען, פאַר „אײַער און אונדזער פרײַהייט“.

דער בײַשפּיללאָזער העראָיזם פון די געטאָ־קעמפער וועט אין משך פון לאַנגע דורות זײַן אַ מוסטער פון אויסערגעוויינטלעכער דרייסטקייט און מוט, אַ וועגווײַזער פאַר די, וועלכע שטייען נאָך אין שווערן פאַרמעסט קעגן דעם אימפּעריאַליזם פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרײַונג, אַ מוסטער ווי אַזוי מען קאָן אין די ערגסטע באַדינגונגען געפינען אַן אויסוועג פון ווערדע, פון ווידערשטאַנד און פון מאָראַלישן זיג. דער טראַגישער און העלדישער קאַמף פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ דערמוטיקט און וועט ווײַטער באַגײַסטערן די ריזיקע מאַסע פון שלום־קעמפער און פון די, וואָס בויען אַ נײַע סאָציאַל־יושרדיקע וועלט — צו ווײַטערדיקע אָנשטרענגונגען און דערגרייכונגען, צום האַרטנעקיקן קאַמף און שטײַגנדיקער אַרבעט בײַם מקיים זײַן די טרוימען פון די געפאַלענע אויפשטענדלערס פון וואַרשעווער געטאָ.

אַ דאַנק דעם העלדישן קאַמף פון די ייִדישע אויפשטענדלערס איז דער באַגריף געטאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ הריגה־ און אומקום־אָרט, וואָס איז געווען באַשטימט דורך דעם היטלעריסטישן אָקופּאַנט פאַר אַ געביט פון דערנידעריקונג פון מענטש און פון זײַן זינלאָזן אומקום — אין אַ קאַמפּספּלאַץ, וואָס האָט אויפגערודערט די וועלט און אַרויסגערוקט די אַנטיפאַשיסטישע ייִדישע יוגנט ווי עכטע העלדישע קעמפערס, ווי אַזעלכע, וואָס אויף זייערע מעשים דאַרפן זיך לערנען און דערציִען די ווײַטערדיקע דורות. און ווײַל דאָס איז געווען נישט בלויז אַ בילד פון גבורה פון אַ ייִדישן יחיד — וואָס אויך דאָס האָט זײַן גרויסן ווערט — נאָר אַ מוסטער פון אַ קאָלעקטיוון קאַמפּסאָנשטרענג פון אַ גאַנצן ייִדישן קיבוץ, איז די באַדײַטונג פון דעם דאָזיקן העלדישן קאַפּיטל נאָך בולטער, נאָך שטאַרקער, נאָך מער דערהויבנדיק פאַרן כבוד פון די שווער־געפּרוּווטע ייִדישע מאַסן.

1.

די ערשטע רעוואָלוציאָנערע קרײַזן און די ערשטע בונטאַרישע אַרויסטריטן

צוויי מערכטיקע געפילן האָבן געשטויסן דעם באַוווּסטזיניקן רעוואָלוציאָנערן ייִד אין געטאָ צום אַקטיוון ווידערשטאַנד. דאָס איז געווען קודם־כּל דער ווילן זיך צו באַטייליקן אין דעם קאַמף קעגן דעם היטלעריסטישן באַצווינגער, זיך אײַנצושליסן אין דעם לאַגער פון געראַנגל פאַר באַפרײַונג, פון אָראָפּוואַרפן דעם פאַרהאַסטן יאָך; דער דאָזיקער ווילן איז אויפגעקומען בײַ די באַוווּסטזיניקע אַנטיפאַשיסטיש־דענקנדיקע ייִדן נאָך איידער די האַקנקרייצערישע פעלקער־מערדער זענען צוגעטראָטן צו דער טאָטאַלער פאַרטיליקונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג; מיט אַנדערע ווערטער: שוין דער דאָזיקער פאַקט ליקנט אין גאַנצן אָפּ די טעאָריע פון „פאַרצווייפלטן אַקט“. דער וועג זיך אײַנצושליסן אין די קעמפנדיקע רייען פון דער פרײַהייטליבנדיקער מענטשהייט האָט אָבער געהאַט אַ געוואַלדיקע שטערונג: דעם געטאָ־מויער. איז די ערשטע אויפגאַבע פון די ווידערשטאַנד־לעכצנדיקע עלעמענטן אין געטאָ געווען גובר צו זײַן די דאָזיקע בצוואַנג אָנגעוואָרפענע שטערונג. פון דער צווייטער זײַט געטאָ־מויער זענען אויך געווען פוילישע אַנטיפאַשיסטישע עלעמענטן, וואָס האָבן געשטרעבט צו מאַכן אַ מאָראַלישן דורכבראָך אין דעם מויער, און האָבן צוזאַמען מיט זייערע ייִדישע אידעיִשע חברים דעם דאָזיקן דורכבראָך געמאַכט. דעם דורכבראָך האָט געמאַכט דער פוילישער „ספּאַרטאַקוס“־טוער קאַזשיק דעמביאַק (וולאַדיסלאַוו בוטשינסקי); דעם דורכבראָך האָבן געמאַכט די פוילישע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום די ערשטע לינקע קרײַזן און וועלכע האָבן געשיקט פאַר זייערע ייִדישע חברים געצײַג צו דער דאָזיקער אַרבעט. פון דער צווייטער זײַט זענען שוין דעמאָלט געווען דרייסטע ייִדישע פאַרבינדלערינס, וועלכע האָבן אויסגעזוכט און אײַנגעהאַלטן די קאָנטאַקטן מיט דער „אַרישער זײַט“, למשל די סטודענטקע זאָשע זאַטאָרסקאַ 1), וועלכע איז אין יענעם ערשטן פעריאָד אַרעסטירט און דערהרגעט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ.

---

1) אַ טאָכטער פון אַן אַלטן סדקפּ״ל־טוער, וועלכער איז אומגעקומען אין ביאַליסטאָקער געטאָ.

דער צווייטער געפיל וואָס האָט געשטויסן צו אַקטיווע מעשים, איז געווען די גאַרונג צו נעמען נקמה פאַר די יסורים, וואָס דער אָקופאַנט האָט אָנגעטאָן די ייִדן. אויך דאָ איז געווען אַ גרויסע מניעה, נישט קיין מאַטעריעלע, נאָר אַ פסיכאָלאָגישע, וואָרעם די שרעק פאַרן היטלעריסט איז געווען אַ געוואַלדיקע, און דער נקמה־לעכצנדיקער ייִד האָט געמוזט קודם כל געפינען אין זיך אַ סך כוח גובר צו זײַן די שרעק, וועלכע איז אָפט מאָל געווען גרעסער פון טויט. אמת, נאָכן 22טן יוני 1941 איז די שרעק פאַרקלענערט געוואָרן, די לעגענדע וועגן דער אומבאַזיגלעכקייט פון דײַטשן מיליטער האָט געפלאַצט. אָבער דאָך איז נאָך דער היטלעריסטישער מושל געווען גענוג שטאַרק, ער איז נאָך אַלץ געווען דער האַר פון לעבן און טויט און דורך כלערליי אופנים כסדר געשפרייט אַרום זיך אוממענטשלעכן סאַדיזם און פאַרטיליקונג.

די ביידע שטרעבונגען האָבן אייגנטלעך דערפירט צו איינס: צו זוכן אַ וועג צום אַקטיוון קאַמף. דער גאַנצער ערשטער פעריאָד, ביז אָנהייב 1942, איז געווען בײַ יענעם עלעמענט, וואָס איז נישט געווען דערצויגן אויף דירעקטע אַנטיפאַשיסטישע קאַמפס־טראַדיציעס, אויסגעפילט מיט זוכן יענעם וועג, מיט זוכן אַן ענטפער אויף דער עקבערנדיקער פראַגע: וואָס טאָן?

דאָס הייסט אָבער נישט אַז ביזן יאָר 1942 איז אין די געטאָ־טיפענישן נישט געווען קיין שום יווירונג און קיין שום באַווײַז פון בונט קעגן דער אכזריותדיקער ווירקלעכקייט.

די פוילישע ייִדן זענען, אייגנטלעך, פונעם ערשטן סעפטעמבער 1939 געשטאַנען אין מלחמה אויף לעבן און טויט מיטן היטלעריסטישן אַגרעסאָר. מיט לײַב און לעבן האָט זיך דער ייִדישער פאָלקסמענטש אַרײַנגעוואָרפן אין קאַמף פאַר דער אומאָפהענגיקייט פון פוילן און פאַר דער אייגענער זיכערקייט. אין דער סעפטעמבער־קאַמפאַניע, וואָס איז פאַרראַטן געוואָרן דורך דער סאַנאַציע־קליקע, אָבער וועלכע האָט אַרויסגעבראַכט אויף דער אייבערפלאַך דעם פאַטריאָטיזם און די העלדישקייט פון פשוטן פוילישן סאָלדאַט און בירגער, האָבן זיך באַטייליקט מיט דער פולער איבערגעגעבנקייט טויזנטער ייִדישע זעלנער. רינגעלבלום גיט איבער אין זײַנע נאָטיצן אינטערעסאַנטע געזאַמלטע ידיעות וועגן דער טרײַקייט ביזן סוף פון ייִדישע שלאַכטלײַט. אין דער העלדישער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע האָבן אָנטייל גענומען מאַסן ייִדישע אַרבעטער און אַרבעטנדיקע אינטעליגענטן. און טאַקע באַלד אין די ערשטע וואָכן נאָך וואַרשעס פאַלן שטייען אויף אין דער טיפער אונטערערד די ערשטע ייִדישע יוגנטקרײַזן פון „ספאַרטאַקוס”, וועלכע אַרבעטן האַנט בײַ האַנט מיט די פוילישע קרײַזן פון דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע. עס שאַפט זיך אין יענער צײַט אויך אַ קאָנספיראַטיווע פויליש־ייִדישע אָרגאַניזאַציע פון אינטעליגענץ און געוועזענע מיליטערלײַט, וועלכע איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „קאָטאָוועצעס”, פון דעם נאָמען פון איינעם פון אירע אָרגאַניזאַטאָרן, דעם יונגן קאָט, וועלכער איז געווען פון ייִדישן אָפשטאַם. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט פון זאַמלען געווער, איז שנעל דורכגעפאַלן; קאָט האָט, ווײַזט אויס, בײַם אַרעסט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און אָוועקגעלייגט אַ זשאַנדאַר. עס זענען געקומען בלוטיקע רעפרעסיעס, עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אויך אַ סך פאָרשטייערס פון דער ייִדישער אינטעליגענץ. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז פאַרשוווּנדן בײַם ערשטן קלאַפ, ווײַל זי האָט נישט געהאַט קיין וואָרצלען אין דער מאַסע און אויך נישט קיין קלאָרע פאָליטישע פלאַטפאָרם. אַנדערש איז געווען דער גורל פון „ספאַרטאַקוס”. טיף פאַראַנקערט אין דער יוגנט־מאַסע און באַוואָפנט אידעאָלאָגיש, האָט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע אויסגעדויערט, זיך אַרײַנגעגאָסן דערנאָך אין דער פוילישער אַרבעטער־פאַרטיי און אַרויסגעגעבן אַ גאַלעריע פרעכטיקע געשטאַלטן, וועלכע האָבן זיך שפעטער אויסגעצייכנט אין דער אויפשטאַנד־באַוועגונג, אין די פאַרטיזאַנישע מחנות און בעתן אויפשטאַנד.

אין יאָר 1940 האָבן מיר שוין אין געטאָ גרופעס פון כמעט אַלע רעוואָלוציאָנערע קרײַזן, וואָס האָבן געווירקט אין דער פוילישער אונטערערד, ובכן: גרופעס פון „פרײַנד פון ראַטן־פאַרבאַנד”, קרײַזן פון „סערפ און האַמער”, דערנאָך פון דער „אַרבעטער־פויערישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע”. אין שפיץ פון אָט די גרופעס רוקן זיך אַרויס די אַלטע קאָמוניסטישע און לינק־פראָפאַראײַנישע קאַדערס, וועלכע קאָנצענטרירן אַרום זיך אַרבעטער, אינטעליגענץ און יוגנט. איין גרופע נעמט זיך צו זייער אַ וויכטיקער אויפגאַבע: אַרויסגעבן אַן אונטערערדישע פרעסע פאַר די געטאָ־אסורים. עס איז ממש צו באַוווּנדערן דעם פראָלעטאַרישן אינסטינקט פון די קאָנספיראַטיווע רעדאַקטאָרן, וועלכע האָבן אין דער „מאָרגנפרײַ”, אין דער „מאָרגן־פרײַהייט”, אין די פראָלעטאַרישע „ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן” אַרויסגעפילט די סיטואַציע, גערופן צו אויסדויער, צו אינטערנאַציאָנאַליזם, צו צוטרוי און גלויבן אינעם ראַטן־פאַרבאַנד, צום קאַמף קעגן יודענראַט און דער געטאָ־פאָליציי, צו שאַפן אַ פאַראייניקונג פון אַלע אַנטיפאַשיסטישע כוחות, צו גרייטן זיך צו דעם, וואָס וועט און מוזן קומען — צום אַקטיוון ווידערשטאַנד. די דאָזיקע קרײַזן האָבן געפירט אַ טעטיקייט צווישן די אַרבעטער, אָט די ערשטע און גרעסטע קרבנות פון הונגער און מגיפות. די דאָזיקע קרײַזן האָבן אפילו אָרגאַניזירט שטרײַקן אין געטאָ — אַ זאַך, וואָס האָט אין יענער צײַט געהערט צו די סאַמע געוואַגטסטע שריט, וואָרעם די ייִדישע אונטערנעמערס, די שטילע און אָפענע שותפים פון די דײַטשע און פוילישע פאַבריקאַנטן און שאָפן־אייגנטימער, און דער יודענראַט האָבן געליאַרעמט, אַז שטרײַק באַטײַט אַ באַלדיקן אומקום פאַר אַלע ייִדן, ווײַל שטרײַק קעגן ייִדישע אונטערנעמערס הייסט — אַרויסטריט קעגן דער אָקופאַנטישער מאַכט. און פון דעסט וועגן זענען פאָרגעקומען שטרײַקן פון סטאָליער־ און נאָדל־אַרבעטער, שטרײַקן פון שפיטאָל־אָנגעשטעלטע; טייל האָבן זיך אפילו געענדיקט מיט אַ זיג. אָט די עקאָנאָמישע קאַמפן זענען געווען אַ שול פון די קומענדיקע ווידערשטאַנדלערס. 2)

אַ שול פון ווערדיקער האַלטונג, פון אמתער געזעלשאַפטלעכער אַליינהילף און פון זעלבשוץ זענען געווען געוויסע הויז־קאָמיטעטן, די וואָס אין זייער שפיץ זענען געשטאַנען פראָלעטאַרישע און דעמאָקראַטישע עלעמענטן. אין די קרײַזן פון די פאָלקסטימלעכע הויז־קאָמיטעטן איז אויפגעקומען דער ערשטער עפנטלעכער בונט קעגן יודענראַט און קעגן זײַנע מעטאָדן פון קאָרופציע, פון פאָליצייִשער גענסטערײַ און פון אויספירן דעם רצון פון אָקופאַנט.

ווי ווײַט די מאַסן זענען געווען דורכגענומען מיט בונטשטימונגען דערווײַזן די פאַקטן פון גאַסן־אַרויסטריטן קעגן דער פאָליציי בעת די כאַפערײַען אויף צוואַנגאַרבעט, די הונגער־אומרוען אין מיטן שטאָט, דער סאַבאָטאַזש פון דער פוטער־אַקציע, די פיזישע אַרויסטרעטונגען קעגן גבירים, וואָס האָבן נישט געוואָלט העלפן די פליטים און גולים, און אַנדערע אַזעלכע דערשײַנונגען פון דער לגמרי נישט גלײַכגילטיקער און ווײַט נישט ווילנלאָזער שטעלונג פון דער מאַסע.

---

2) מיט די שטרײַקן האָבן אָנגעפירט, ווי עס גיט איבער אַן עד־ראיה, יואל באָרנשטיין, יאַנקל גלאָזמאַן, יאָסל סטאָליער און אַנדערע.

די דאָזיקע שטימונגען זענען שטאַרקער געוואָרן נאָכן 22טן יוני 1941. דער סאַבאָטאַזש ווערט דרייסטער. ייִדישע שנײַדער־אַרבעטער פאַרטיקן אויס מונדירן פאַר דער דײַטשער אַרמיי מיט שלעכט פאַרנייטע קעשענעס און קנעפ. דער באַוווּסטזיניקער עלעמענט הייבט אָן אַרבעטן בכיוון ערגער און ערגער. עס גייט פון מויל צו מויל דער לאָזונג: אָנשטאָט זייגערלעך לאָמיר פראָדוצירן באָמבעס. ייִדן ווערן הייטערער, זייער בליק ווערט אָפטימיסטישער, זיי גלייבן נישט אין די מעלדונגען פון דעם דײַטשן ראַדיאָ וועגן די זיגן פון דער רײַכסווער. זיי חזרן איבער דאָס ווערטל ,וואָס ווערט פאָפולער אין גאַנצן געטאָ:

ייִדן, האָט נישט קיין מורא,	Zydzi nie bójcie się,
פאָליאַקן, מאַכט אײַך פריילעך,	Polacy radujcie się,
דײַטשן, פאַקט אײַן די פעק.	Niemcy pakujcie się,

די טרויער־עזאַנגען פון וויינענדיקע בעטלער ווערן אַרויסגעשטויסן דורך נײַע לידער, לידער פון קאַמף.

אָבער עס האָט נאָך אַלץ געפעלט דער כוח וואָס זאָל זײַן מסוגל צונויפצונעמען די אַלע געפילן אין איין געמיינזאַמען כוח, צו פאַרוואַנדלען די טרערן און יסורים אין שנאהפולער קראַפט. די לינקע גרופעס זענען געווען צעשטויבט. די אַנדערע קרײַזן, וואָס האָבן עקסיסטירט אין געטאָ, די אונטערשטע רינגען פון דער לינק־ציוניסטישער יוגנט, האָבן געזוכט אַ וועג אַרויסצוגיין פון די ראַמען פון דערציִערישער און אַליינהילף־אַרבעט צו ווידערשטאַנד. די בונדישע קרײַזן האָבן זיך נאָך געפונען אונטער דער אָנפירונג פון די וור"נישע עלעמענטן. 3)

און נאָך אַ מאָל: דער וויכטיקסטער פאָטענציעלער כוח, וועלכער האָט טראָץ אַלע שוועריקייטן געזען דעם אויסוועג, די קאָמוניסטישע קרײַזן, זענען געווען, ווי געזאָגט, צעשטויבט.

„אַט די דאָזיקע גרופעס — האָט געזאָגט באָלעסלאַוו ביערוט אין זײַן רעפעראַט אויפן קאָנגרעס פון דער פוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פאַרטיי דעם 15טן דעצעמבער 1948, — האָט אָבער געפעלט אַן איינהײַטליכע אָנפירונג און אַ קלאָרע פאָליטישע פראָגראַם. אָט די גרופעס האָט פאַראייניקט און זיי געוויזן אַ טעטיקייט־ליניע. די פוילישע אַרבעטער־פאַרטיי, וואָס איז אַנטשטאַנען אין יאַנואַר 1942 און האָט איר פראָגראַם אָנגעשפאַרט אויף די יסודות פון מאַרקסיזם־לעניניזם. די פפ"ר האָט זיך געשטעלט אין שפיץ פון דעם נאַציאָנאַל־באַפרײַערישן קאַמף פון די פוילישע פאָלקסמאַסן קעגן דער דײַטשער אַגרעסיע". 4)

עס איז אויפגעקומען דער דינאַמישער כוח אין דער פוילישער אונטערערד, וואָס האָט אַ שטויס געטאָן פאָרויס די ווידערשטאַנד־באַוועגונג און האָט באַלד אין זײַן ערשטער פראָגראַם־דעקלאַראַציע פאָרמולירט קלאָרע לאָזונגען פון:

1. באַלדיקן קאַמף קעגן אָקופאַנט;
2. געאייניקטן נאַציאָנאַלן קאָמפּראָנט;
3. צוגרייטונג צום נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד;
4. פרײַנדשאַפטבונד מיטן באַפרײַערישן ראַטן־פאַרבאַנד.

די פראָגראַם־דעקלאַראַציע פון דער אַנטשטאַנענער, אַלט־נײַער פאַרטיי האָט אויך קלאָר און אומצווייַדײַטיק פאָרמולירט איר שטעלונג צו דער ייִדן־טראַגעדיע: אָפשאַפן די מענטשן־פאַרשוועכנדיקע געטאָס, און דערנאָך — די פולע גלײַך־באַרעכטיקונג פאַר די ייִדן אין קומענדיקן, נאַציאָנאַל־ און סאָציאַל־באַפרײַטן פוילן.

קיין שום פוילישע פאַרטיי האָט נישט גערעדט מיט אַזאַ שפּראַך סײַ וועגן דעם ווידערשטאַנד, סײַ וועגן די ייִדן, ווי די פפ"ר. די גאַנצע רעכטע פוילישע אונטערערד האָט נישט בלויז געהאַט אַן אַנטיסאָוועטישע און אַנטיווידערשטאַנד־אָריענטאַציע, נאָר זי איז געווען דעמאָראַליזירט און דורכגעפרעסן דורך דער גאַנגרענע פון מיטאַרבעט מיטן שונא. די פעדעם האָבן געפירט פון דעם ווערמאַכט־אויסשפיר און פון געסטאַפּאָ צו דעם צווייטן אָפטייל פון דער אָנפירונג פון זוו"ז (א"ק.) 5) וועלכער האָט געדרייט מיט דער גאַנצער רעכטער אונטערערד. נישט קיין וווּנדער דעריבער וואָס די זעלביקע, וועלכע האָבן געמסרט די פוילישע אַנטיפאַשיסטן און פאַטריאָטן ,האָבן אויך געפירט אַ וויסטע העצע קעגן ייִדן. די פאַשיסטיש־פוילישע „אונטערערדישע" פרעסע איז, למשל, אַרויס מיט אַ טענה צו די דײַטשן, הלמאי זיי „פריווילעגירן" די ייִדן און ראָטן זיי נישט אויס. די „לײַטישע" און „סאָלידע" אָפיציאָזן פון דער דעלעגאַטור האָבן אויף טריט און שריט דערמאָנט וועגן „זשידאָ־קאָמונאַ", מען זאָל וועגן דעם, חלילה, נישט פאַרגעסן. די וור"נ האָט אין איר פראָגראַם פון קומענדיקן פוילן אויך נישט פאַרגעסן אַ שטאָך צו טאָן די ייִדן, און דהיינו: אַז עס וועט ליקווידירט ווערן די „ייִדישע ספעקולאַציע". אין אַזאַ לאַגע איז קלאָר אַז די ייִדישע מאַסע האָט אָפגעעטעמט פרײַער ווען עס האָט זיך דערהערט דער עכט מענטשלעכער קול פון דער פוילישער אַרבעטער־פאַרטיי. די יעניקע גרופקעלעך אין געטאָ וואָס זענען געווען די טראַנסמיסיעס פון דער דעלעגאַטור־פלאַטפאָרם, — אַ שטייגער דאָס „זשאַגעוו"־קלײַזל, וואָס האָט געפריידיקט דעם פילסודסקי־קולט, — האָבן אָנגעטראָפן אויף אַ פולשטענדיקער פאַראַכטונג און זענען געווען לגמרי איזאָלירט.

די אַלע וואָס האָבן געזוכט אַן ענטפער אויף דער מאַטערנדיקער פראַגע „וואָס טאָן?" און געטרוימט וועגן מעשים, האָבן געווענדט זייערע בליקן צו דער פפ"ר, וועלכע האָט טאַקע גאָר אין גיכן געוויזן דעם ריכטיקן וועג.

.2

דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק

אין דער ערשטער גרופע טוערס, וואָס האָבן אין יאַנואַר 1942 געגעבן די איניציאַטיוו צו שאַפן די פוילישע אַרבעטער־פאַרטיי און צווישן וועלכע עס זענען געווען דער ערשטער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי מאַרצעלי נאָוואָטקאָ און פאַוועל פינדער, האָט זיך אויך געפונען דער געוועזענער שפאַנישער קעמפער אַנדזשעי שמיט (פסעוודאָנים פון פיניע קאַרטין), וואָס האָט באַלד בײַם אָנהייב באַקומען די מיסיע צו גיין אין געטאָ און אָרגאַניזירן די ייִדן. אין גיכן האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון פפ"ר אַרויסגערופן פון ביאַליסטאָק דעם אַלטן באַקאַנטן קאָמוניסטישן טוער יוסף לעוואַרטאָווסקי („פינקעלשטיין", „דער אַלטער יוסף") און אים באַשטימט פאַרן באַפולמעכטיקטן פון צ"ק אין געטאָ. אַזוי אַרום האָט די אָנפירונג פון פפ"ר געשיקט אין געטאָ אַרײַן צוויי פון

---

3) וור"נ. — רעכטע פפ"ס, וועלכע האָבן באַקעמפט דעם ראָטן־פאַרבאַנד און דעם ווידערשטאַנד־געדאַנק, פונקט ווי אַלע פאַרטייען פון דער לאָנדאָנער דעלעגאַטור.

4) Boleslaw Bierut: "Podstawy ideologiczne PZPR" Warszawa 1951, str. 33—34

5) זוו"ז. — מיליטערישע פאָרמאַציע פון די לאָנדאָן־אָריענטירטע עלעמענטן, אַנטיסאָוועטיש און אַנטיסעמיטיש; שפעטער געענדערט דעם נאָמען אויף א"ק (אַרמיאַ קראַיאָוואַ).

אירע בעסטע מענטשן. פון צײַט צו צײַט פלעגן באַזוכן דאָס געטאָ אויך אַנדערע טוער פון פפ"ר, פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, למשל איזאָלדאַ קאָוואַלסקאַ, און פון שכנותדיקן פּאָוואָנ־סקער ראַיאָן־קאָמיטעט הענריק קאַליצקי, און נאָך. לעוואַרטאָווסקי האָט אײַנגעהאַלטן קאָנטאַקט דורך פאַרבינדלער מיטן פּאַרטיי־פירער נאָוואָטקאָ.

לעוואַרטאָווסקי האָט נאָכן צעמענטירן אַלע גרופּעס און נאָכן שאַפן אַ גוט־אָרגאַניזירטן ראַיאָן־קאָמיטעט אין באַשטאַנד פון שמואל צימערמאַן (אַדאַם מערעטיק), יעקב דרייער (קובאַ), אַנ־דזשעי שמיט, דוויד וולאָסקאָ (טאַדעק), זיך גענומען צום פאַרווירק־לעכן די פּראָגראַם פון קאַמפּסאייניקייט.

לויט לעוואַרטאָווסקיס און שמיטס איניציאַטיוו, לויט דער איניציאַטיוו פון פפ"ר איז אויפגעשטאַנען דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק פונעם געטאָ, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו פאַראיי־ניקן אַלע ווידערשטאַנד־גרייטע עלעמענטן, צו אַנטוויקלען אַ ברייטע אויפקלערונגס־אַרבעט, צו פירן אַ מיליטערישע אויסשולונג. צום בלאָק, וואָס איז געווען אַן אויסדרוק פון איינהײַטלעכן נאַציאָ־נאַלן אַנטיפאַשיסטישן קאָמפּראָמיס, זענען אונטער דער אָנפירונג פון דער פפ"ר צוגעטרעטן לינקע עלעמענטן פון השומר הצעיר, פועלי ציון און דרור.

אין מאַרץ 1942 האָבן די פאָרשטייערס פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק גענומען פירן אונטערהאַנדלונגען מיטן „בונד", אויך ער זאָל צוטרעטן צום איינהײַטלעכן נאַציאָנאַלן קאָמפּראָמיס. אין די רייען פון „בונד" און פון „צוקונפט" איז אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע, עס האָבן זיך אַרויסגעטיילט לינקע, איינהײַטספראָנטיקע עלעמענטן, מיט ד"ר לעאָן פײַנער און אַנדערע בראָש, אָבער די אָנפירונג פון דער פּאַרטיי איז געלעגן אין די הענט פון מענטשן, וואָס זענען גע־ווען פאַרבונדן מיט די רעכטע פפ"ס און האָבן רעפּרעזענטירט אין געטאָ די ליניע פון דער לאָנדאָנער דעלעגאַטור, די ליניע פון „פּסי־כישן ווידערשטאַנד" און פון „שטיין מיט דער ביקס בײַ די פיס". אַ טייל בונדישע יוגנט־טוערס האָט זיך געוואַקלט ,זייער ענטפער אויף די פאָרלייגן פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק איז געווען: „אונ־דזער האַרץ איז מיט אײַך, אָבער דער שכל איז קעגן". דער „שכל" האָט זיך נאָך געפונען אין קלעם פון אילוזיעס און פון די אַלטע אַנטיקאָמוניסטישע און אַנטיאייניקייטס־פראָנטיקע פאָראורטיילן.

די מאָגערע גרופּע פון די „פּוילישע סאָציאַליסטן" 1), וואָס האָט זיך געפונען אין געטאָ און אַרויסגעוויזן אַ געוויסע רירעוודי־קייט אין פראַגעס פון אויסשפּירן ייִדישע געסטאַפּאָ־אַגענטן 2), האָט אָבער קיין גרעסערע השפּעה בײַ ייִדן נישט געהאַט. אויך בײַ זיי איז בולט געוואָרן אַ שיידליניע צווישן איין טייל, וואָס האָט זיך אָריענ־טירט אויפן „בונד" און אויף זײַן פאַרעלטערטער שטעלונג, און אַ צווייטן, וואָס האָט גראַוויטירט צו פפ"ר און ממילא צום אַנטיפאַ־שיסטישן בלאָק. בראָש פון די לעצטע האָבן זיך אַרויסגערוקט די לינקע סאָציאַליסטן: א. טעשנער, אינזש' יעזשי נוידינג א"אַ. די דאָזיקע לינקע סאָציאַליסטן זענען אָפּט אַרײַן אין קאָנפליקטן מיט די רעכטע, וואָס פלעגן פרוּוון אָפּשטעלן די אויסגאַבעס פון די לינ־קע 3). נאָך די ערשטע דערשיטערונגען און קלעפּ פון אַפּריל 1942 4) איז זיך די גאַנצע גרופּע צעפאַלן. זי האָט קיין אָנשפּאַר בײַ די ייִדישע מאַסן נישט געהאַט — די איינהײַטספראָנטיקע עלעמענטן פון די „פּוילישע סאָציאַליסטן" אין געטאָ האָבן זיך דעמאָלט אַרײַנגעגאָסן אין פפ"ר.

צום אַנטיפאַשיסטישן בלאָק זענען אויך נישט צוגעטרעטן די בורזשואַז־ציוניסטישע עלעמענטן, וואָס דער רעכטער טייל זייערער האָט זיך געפונען אין אָדער אַרום דעם יודענראַט, און דער מער דעמאָקראַטישער טייל, פון מנחם קירשנבוימס שניט, האָט מורא גע־האַט פאַרן ווידערשטאַנד־געדאַנק און זיך געטוליעט אַרום די אַליינ־הילף־אינסטיטוציעס. די ציוניסטישע יוגנט האָט אין אירע אויס־גאַבעס געבראַכט צום אויסדרוק די אייגענע רעזאָריענטאַציע און מאַכטלאָזיקייט און זי האָט זיך געוואַרעמט אינעם בלייכן פײַער פון דער העברעיִסטישער קולטור־געזעלשאַפט „תקומה", וועלכע האָט קיין דויערנדיקע שפּורן נישט איבערגעלאָזט. די אַלגעמיינע און רעכט־סאָציאַליסטישע ציוניסטישע פּרעסע האָבן רעפּרעזענטירט די אָריענטאַציע אויף די אַמעריקאַנישע און ענגלישע גרויסמאַכטן, זיך אַליין און אַנדערע דערנערט מיט דער אילוזיע, אַז פון קאַפּיטאַליס־טישן מערב וועט קומען די ישועה. אַ שענדלעכע טעטיקייט האָט געפירט דער רעכטער פועלי־ציוניסט אברהם גאַנצווייך*), וועלכער האָט אָרגאַניזירט — ווי עס שטעלט פעסט רינגעלבלום — אַ שפּיאָ־נאַזש־טעטיקייט לטובת היטלער־דײַטשלאַנד אויף די מזרחדיקע, סאָ־וועטישע געביטן.

אַזוי אַרום איז שוין אין מאַרץ 1942 דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק געווען אין וואַרשעווער געטאָ דער איינציקער כּוח, וואָס האָט דרייסט אַרויסגערוקט און געפּריידיקט די ווידערשטאַנד־אידעע און וואָס איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ קלאָרער פּראָגראַם — אין אָנשפּאַר אויף דער נאַציאָנאַל־פראָנטיקער און קאַמף־פּלאַטפאָרם פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי און אונטער איר אָנפירונג.

דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק איז געווען דער פּיאָנער און אָר־גאַניזאַטאָר פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ. זײַנע פינפט־לעך ,וועלכע האָבן געפירט אַ מיליטערישע אויסשולונג אונטער דער

---

1) — „פּאָלסקי סאָציאַליסטשי", אַן אָפּשפּאַלטונג פון פפ"ס. די „פּוילישע סאָציאַליסטן" זענען אַרויסגעטרעטן קעגן די פּילסודסקיסטן און קעגן דער „לאָנדאָנער" פּאָליטיק. זיי האָבן זיך אָבער שטאַרק געוואַקלט אין אַ ריי אַנדערע גרונ־טיקע פראַגעס און ערשט אָנהייב 1943 אָנגענומען אַ שטעלונג פון אָנטיילנעמען אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. שפּעטער איז געקומען בײַ זיי אַ שפּאַלטונג אויף רעכטע, וואָס האָבן געפירט אַ דיווערסיע־אַרבעט קעגן פפ"ר, און אויף איינהייטס־פראָנטיקע, וועלכע זענען צוגעטראָטן צו דעם קר"נ (נאַציאָ־נאַלער ראַנדראַט), וואָס אין זײַן שפּיץ איז געשטאַנען באָלעס־לאַוו ביערוט.

2) אין אַרכיוו פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט געפינט זיך אַ רשימה פון ייִדישע געסטאַפּאָ־אַגענטן, פון דער ייִדישער פּאָליציי און אַנדערע קאָלאַבאָראַנטן, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן דורך דעם ראַיאָן פון די „פּוילישע סאָציאַליסטן" אין געטאָ.

3) אַזוי איז צוליב אַן אַרטיקל וואָס האָט קריטיקירט די דײַטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, אָפּגעשטעלט געוואָרן די גע־טאָ־בײַלאַגע פון „באַריקאַדאַ וואָלנאָשטשי" (פרײַהייטס־באַריקאַדע), דער אָרגאַן פון די „פּוילישע סאָציאַליסטן".

4) וועגן דעם זע ווײַטער.

*) אין יאָר 1930 איז דערשינען אברהם גאַנצווייכס אַ בראָ־שור אונטערן נאָמען „אונדזער ענטפער (צו דער גזירה קעגן דער חלוצים־גזירה)" אַרויסגעגעבן דורך דער „ייִדישער סאָ־ציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פועלי־ציון פאַראייניקט מיט ציוניסטן־סאָציאַליסטן" אין זאַגלעמביע — אייבערשלעזיע.

גניטער אָנפירונג פון דערפאַרענעם שפּאַנישן קעמפער, דעם פּפּ"ר־טוער אַנדזשעי שמיט, האָבן געוויזן אַ מוסטער דער ברייטערער יוגנט־מאַסע, ווי אַזוי מען דאַרף האַנדלען אין די שווערע נסיונות־דיקע טעג. די קאַמפּס־פאָרמאַציע פונעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק איז געווען אידעיִש און אָרגאַניזאַציאָנעל פאַרבונדן מיט דער פאָלקס־גוואַרדיע, וועלכע האָט דאָך אַרײַנגענומען אין אירע רייען די אַלע וואָס האָבן געוואָלט באמת קעמפן קעגן אָקופּאַנט און זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פון איינהײַטלעכן נאַציאָנאַלן קאַמפּספראָנט און פון בונד מיטן באַפרײַערישן ראַטן־פאַרבאַנד. די קאַמפּסגרופּעס פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק האָבן זיך געפונען אינעם בולטן ווירקונגס־קרײַז פון דעם קרבנותפולן קאַמף פון דער סאָוועטישער אַרמיי. עדי־ראיה גיבן איבער ווי גרויס עס איז געווען דער סוגעסטיווער אײַנפלוס פון אַנדזשעי שמיט, אַרום וועלכן עס זענען אַרומגעגאַנגען פון מויל צו מויל לעגענדעס. ער איז אין די רייען פון די ווידערשטאַנד־טרוימערס און אפילו אין די ברייטערע געטאָקרײַזן פאַרגעשטעלט געוואָרן ווי אַ ספּעציעלער שליח פון העלדישן מאָסקווע, ווי אַ לעגענדאַרער פּאַראַשוטיסט, וואָס האָט זיך פרײַוויליק אַראָפּגעלאָזט אין פאַרפּײַניקטן פּוילן כדי צו העלפן די טאָפּל לײַדנדיקע ייִדן. און ווער עס איז דירעקט געקומען אין באַרירונג מיט אָט דעם טאַלאַנטפולן קאָמאַנדיר און טרײַען אַנטיפאַשיסט, האָט זיך נישט געקאָנט באַפרײַען פון דעם צויבער און כוח, וואָס האָבן געשלאָגן פון אָט דעם באַשיידענעם און שטילן אידעאַליסט.

אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון אַנדזשעי שמיט האָט זיך דערצויגן איינער פון זײַנע דרײַ געהילפן — דער אָפּטיילונג־קאָמאַנדיר מרדכי אַניעלעוויטש.

שמיט איז געווען דער פירער פון דער מיליטערישער פאָרמאַציע פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, בעת יוסף לעוואַרטאָווסקי איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר און פירער פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג בכלל.

די מיטגלידער פון דער אָנפירונג פונעם בלאָק האָבן שוין דערקענט דעם דאָזיקן לאַנגיאָריקן קאָמוניסטישן טוער זינט די ערשטע טעג פון זײַן אָנקומען אין געטאָ, ווען ער האָט זיך תיכף אַרײַנגעוואָרפן אין דער טעטיקייט פון אויפשטעלן דעם איינהײַטלעכן נאַציאָנאַלן קאַמפּספראָנט. זיי האָבן שוין דעמאָלט געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַוווּנדערן זײַן קלאָרן שכל, זײַן לאָגישע אַרגומענטאַציע, זײַן ברייטן בליק, זײַן אַליינבאַהערשטקייט, וואָס שוין דאָס אַליין איז געווען אַ געוואַלדיקע מעלה אין דער אַרומיקער היסטערישער שטימונג. לעוואַרטאָווסקי האָט פאַרמאָגט די באַזונדערע פעיִקייט צו זאַמלען אַרום זיך די בעסטע מענטשן און אַרײַנצובלאָזן אין זיי באַגײַסטערנדיקע אידעעס. און רעפּרעזענטירט האָט ער נישט סתם זיך אַליין, נאָר אַ וואָגיקן אָרגאַניזירטן כוח. ער האָט רעפּרעזענטירט די פּאַרטיי, וועלכע איז געווען היסטאָריש באַרופן אַרויסצופירן די פּוילישע אונטערערד פון קלעם פון צעמישונג און אַ שטויס טאָן זי צו געוואַגטע מעשים פון מוטיקן ווידערשטאַנד. לעוואַרטאָווסקי האָט רעפּרעזענטירט די אידעע פון אָנשפּאַר אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, די אידעע פון נאַציאָנאַלער קאַמפּסאיינהייט, די אידעע פון ווידערשטאַנד און אויפשטאַנד. איז טאַקע נישט קיין וווּנדער, וואָס בײַ די, וועלכע האָבן זיך מיט אים געטראָפן אין יענער צײַט, איז געבליבן אַן אומפאַרגעסלעכער אײַנדרוק פון דעם דאָזיקן מענטש, וואָס האָט געמאַכט מיט זײַנע ווערטער און מעשים אַ גאַנצע איבערקערעניש אין די מוחות און הערצער פון די אַלע אין געטאָ, וועלכע האָבן מיט דער גאַנצער נשמה געוואָלט הערן אַ שטאַרקן און איבערצײַגעוודיקן ענטפער אויף דער וויכטיקסטער פראַגע: וואָס טאָן?

אין מערץ 1942, איז לעוואַרטאָווסקיס שאַפונג, דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק, געווען אַ יש. און אין אַפּריל פון זעלביקן יאָר האָט לעוואַרטאָווסקי — און אין איינעם מיט אים דער גאַנצער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק — געוויזן דעם שליסל צום אויסוועג אין דער פּלוצעם־אויפגעשטאַנענער טראַגישער סיטואַציע.

זינט דעם סוף 1941 איז דער פעלקער־מערדערישער אָקופּאַנט צוגעטראָטן צו דער פּלאַנמעסיקער דירעקט־פיזישער טאָטאַלער אויסראָטונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין אונטעריאָכטן פּוילן. עס איז געקומען די צײַט, ווען דער שונא האָט זיך שוין מער נישט געוואָלט באַפרידיקן מיט די פאַרטיליקונגס־עטאַפּן, וועגן וועלכע עס רעדט דער שעף פון דער היטלעריסטישער זיכערקייט־פּאָליציי ריינהאַרדט הײַדריך אין דעם ערשטן טייל פון זײַן טרויעריק־באַרימטן „שנעלבריוו" פון 21טן סעפּטעמבער 1939. איצט זענען די פעלקער־מערדערס צוגעטראָטן צו רעאַליזירן דעם צווייטן טייל פון הײַדריכס פּלאַן, און נעמלעך — צו פאַרווירקלעכן דעם „ענדציל": די אַבסאָלוטע פיזישע פאַרטיליקונג פון ייִדישן שטאַם 5).

די ערשטע עטאַפּן, וואָס האָבן געדאַרפט פירן צו דעם אומקום פון די ייִדן, האָבן געבראַכט פאַר די פעלקער־מערדערס נאָר טיילווײַזע רעזולטאַטן. די פאַרטיליקונג־עטאַפּן זענען געווען: שווערע קאָנטריבוציעס, נירענבערגער געזעצן, פּאָגראָמען, באַרויבונג פון גאַנצן אומבאַוועגלעכן און צום טייל באַוועגלעכן פאַרמעגן, געלעטע, געטאָ, גירושים, צוואַנגאַרבעט, מאָראַלישע דערנידערונג, אויסהונגערונג, באַקטעריאָלאָגישער אָנגריף, מגיפות. אין משך פון סוף 1939 ביז זומער 1942 זענען דורך די אַלע אומדירעקטע מאָרדמיטלען אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ אַרום הונדערט טויזנט ייִדן; דער מלאך המות האָט די גרעסטע פאַרוויסטונג געמאַכט צווישן דער אַרבעטערשאַפט, דער אינטעליגענץ, די פּליטים און גולים 6) און בכלל צווישן דער ברייטער אָרעמשאַפט. אָבער פאַרן היטלעריסטישן פעלקער־מערדער איז דאָס געווען צו ווייניק. די ייִדישע מאַסע האָט — קעגן דער פאָלקספײַנדלעכער שטעלונג פון יודענראַט — אַליין מאָביליזירט אירע כוחות צום קאַמף קעגן מגיפות און הונגער און מיט איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג, אין אָנשפּאַר אויף אַ ריי געזעלשאַפטלעכע אַליינהילף־אינסטיטוציעס און הויז־קאָמיטעטן, אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעהאַלטן דעם אומהיימלעכן פאָרויסמאַרש פונעם טויט. דער אָקופּאַנט איז, פאַרשטייט זיך, נישט געווען צופרידן פון אַזאַ צו קליינעם, לויט זײַן מיינונג, טעמפּ פון אומקום. די דײַטשע זיכערקייט־פּאָליציי האָט געזען אין דעם איזאָלירטן געטאָ אַ פײַער־געביט פון כסדרדיקע אומרוען און מרידות. שוין אין זײַן אויבן דערמאָנטן „שנעלבריוו" שטרײַכט אונטער הײַדריך, אַז די ייִדן מוז מען איזאָלירן, ווײַל זיי באַטייליקן זיך אין דער באַוועגונג פון פרײַע שיסערס און פון באַנדעס (לייען: פּאַרטי־

---

5) דער ענדגילטיקער טויטאורטייל איבערן ייִדישן פאָלק איז געפאַלן אויף דער קאָנפערענץ, וואָס איז גערופן געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון הערמאַן גערינג. די קאָנפערענץ פון די פאָרשטייער פון פאַרשידענע צענטראַלע אַמטן פון „דריטן רײַך" — פאַראינטערעסירטע אין דער „ענדגילטיקער לייזונג פון דער ייִדן־פּראָבלעם" — איז פאָרגעקומען דעם 010טן יאַנואַר 1942 אין בערלין אינעם רײַכס־זיכערהייטס־הויפּט־אַמט. די אָנפירונג מיט דער גאַנצער פאַרטיליקונגס־אַקציע איז געוואָרן אָנפאַרטרויט הײַדריכן.

6) פּליטים — מענטשן, וואָס זענען אַליין אַנטלאָפן פון זייערע היימערטער; גולים — מענטשן, וואָס זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע שטעט און שטעטלעך דורך דעם אָקופּאַנט.

זאַנערס). דער דאָזיקער אומשטאַנד איז געווען אַ דאָרן אין אויג פון דער ווערמאַכט־אָנפירונג, וועלכע האָט זיך שוין געגרייט אָנהייב 1941 צו רעאַליזירן דעם „באַרבאַראָסאַ־פּלאַן", דעם פּלאַן פון פּלוצעמדיקן אָנפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס ערב דעם דאָזיקן אָנפאַל האָט פעלדמאַרשאַל קייטעל באַזוכט וואַרשע און — ווי עס גיט איבער רינגעלבלום — אויפן סמך פון זיכערע ידיעות האָט קייטעל שוין דעמאָלט באַטאָנט, אַז די ייִדן מוזן ווערן פון וואַרשע אַרויסגעטריבן; איז דאָך טאַקע וואַרשע געווען דער וויכטיקסטער קאָמוניקאַציע־צענטער אויפן דירעקטן שליאַך דײַטשלאַנד — מזרח־פראָנט. נאָך די ייִדן האָט געדאַרפט קומען די ריי אויף דער פּוילישער באַפעלקערונג. דער גוט־אינפאָרמירטער אונטערערדישער פּוילישער נייס־ביולעטין „אינפאָרמאַציאַ ביעזשאָנצאַ" האָט אין מיטן זומער 1942 מיטגעטיילט פון דײַטשע קוועלן, אַז די געטאָ־ליקווידאַציע איז אַן אָנהייב צו אַ גרויסער אויסראָטונגס־אַקציע פון די פּוילישע ווידערשטאַנד־עלעמענטן און פון פּוילישן וואַרשע בכלל. אַזוי אַרום ווערט קלאָר פאַר וואָס עס איז אין יענער צײַט, סוף 1941 און ערשטע העלפט 1942, אויפגעקומען אין די פינצטערע פאַרברעכערישע מוחות פון די אָנפירערס פון דער היטלעריסטישער זיכערקייט־פּאָליציי און פון דער היטלעריסטישער אַרמיי דער קאָנקרעטער פּלאַן צו ליקווידירן פיזיש און טאָטאַל די ייִדישע באַפעלקערונג און נאָך איר — אַכציק מיליאָן סלאַוון.

די ייִדן און אַ גרויסער טייל פון די סלאַווישע באַוווינערס פון די צײַטווײַליק פאַרכאַפּטע ראַטן־פאַרבאַנדישע געביטן זענען אויסגעראָטן געוואָרן בדרך כלל באַלד אויפן אָרט, תיכף נאָכן אַרײַנמאַרשירן פון קײַטעלס, האָטס, מאַנשטיינס גודעריאַנס און אַנדערע אַרמייען און קאָרפּוסן פון די נאַצישע מאַרשאַלן און גענעראַלן. אַ ריזיקער בלוטיקער שטראָם האָט זיך צעגאָסן איבער די ייִשובים אין קיִעוו, כאַרקאָוו, קרים, האָמעל, וויטעבסק, סלאָנים. דאָ איז דער בלוטיקער שניט דערפירט געוואָרן באַלד ביזן סוף. טיילווײַזע אויסראָטונגען האָבן געהאַט אַן אָרט אין לוואָוו, ביאַליסטאָק, ווילנע, מינסק און אַנדערע קיבוצים, ווו די פאַרטיליקונג איז צעלייגט געוואָרן אויף עטלעכע עטאַפּן — דערווײַל איז די שקלאַפישע אַרבעטסקראַפט פון די איזאָלירטע ייִדן אויסגענוצט געוואָרן ביזן ביין, כדי אין גיכן אויך די דאָזיקע לעצטע אויסגעמאַטערטע אין כסדרדיקן אומרו און פּײַן קנעכט צו ליקווידירן מיט כלערליי מיתות־משונות.

אַזוי אַרום האָט זיך די בלוטיקע כוואַליע פון מזרח דערנענטערט אָנהייב 1942 צו די גרענעצן פון דער גענעראַל־גובערניע.

אין מאַרץ, אין זעלביקן חודש ווען עס איז אַנטשטאַנען אין דער וואַרשעווער געטאָ־אונטערערד דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק, איז אָנגעקומען צו די וואַרשעווער ייִדן די ערשטע אויפטרייסלענדיקע ידיעה, אַז דעם 17טן מאַרץ האָט געהאַט אַן אָרט דאָס אַרויסטרײַבן די ייִדן פון לובלין קיין בעלזשעץ; דרײַסיק טויזנט לובלינער ייִדן זענען אַחוץ דעם אומגעבראַכט געוואָרן אויפן אָרט אין לובלין גופא, הינטער דער שטאָט.

פון לובלין האָט זיך די טויט־גירוש־ און אויסראָטונגס־כוואַליע צעגאָסן איבערן גאַנצן דיסטריקט.

די ערשטע איוב־בשורות האָבן געבראַכט פּוילישע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיטן געטאָ. טייל טרויער־אינפאָרמאַציעס האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך די שרעקלאָזע ייִדישע פאַרבינדלערינס פון די אָרגאַניזאַציעס פונעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, די פרומקעס, כאַנטשעס און אַנדערע.

נײַע מאָדנע גרויליקע ווערטער האָבן זיך באַוויזן אויף די בלייכע ליפּן פון די אײַנוווינערס פון וואַרשעווער געטאָ: „אַקציע", „אויסזידלונג", „פאַרניכטונגס־קאָמאַנדע".

און אין דער זעלביקער צײַט האָט גענומען צושווימען צו וואַרשע אַ צווייטער בלוטיקער שטראָם — פון דער מערב־זײַט. זינט נאָוועמבער 1941 האָט שוין געבושעוועט די טויטפאַבריק אין כעלמנאָ הינטער קויל (קאָלאָ) אין דעם א"ג „וואַרטע־לאַנד", וואָס איז אָפּגעריסן געוואָרן דורכן אָקופּאַנט פון פּוילישן פאַרשקלאַפטן לאַנד. מען האָט דערציילט אַז 40 טויזנט ייִדן און ציגײַנערס האָט מען דאָרטן דערשטיקט צום טויט אין די שווידערלעכע „דושעגובקעס".

צום ערשטן מאָל האָבן וואַרשעווער ייִדן דערהערט וועגן מאַסן־הריגות דורך גאַז.

דער פשוטער געטאָ־ייִד האָט מיט פאַרצווייפלונג געפרעגט: פון וואַנען וועט קומען מײַן הילף?

אָבער צו גלײַך מיט די דערדריקנדיקע ידיעות וועגן אומקום פון הונדערטער טויזנטער זענען דערגאַנגען אויך אַנדערע קלאַנגען — גרוסן, וואָס האָבן אָנגעפילט מיט כוח און געוויזן אַ שווערן און געפערלעכן, אָבער ווערדיקן אויסוועג.

אָנגעקומען זענען די גרוסן פון די מערב־ווײַסרוסישע געביטן, פון יענע ערטער ווו די ייִדישע באַפעלקערונג האָט אין משך פון קנאַפּע צוויי יאָר געאָטעמט מיט דער מענטשן־פרײַער לופט פון דער סאָוועטישער אַטמאָספער — פון נאָוואָגרודעק, פון ניעסוויעזש, פון לעכעוויטש זענען דערגאַנגען אַזש ביז וואַרשע די גרוסן וועגן דעם אַקטיוון ווידערשטאַנד און דער זעלבשוץ פון דאָרטיקע מוטיקע ייִדן, וועגן קאַמפן מיט דער דײַטשער זשאַנדאַרמעריע, וועגן מאַסן־אַנטלויפן אין די וועלדער, ווו עס האָבן זיך פאָרמירט פּאַרטיזאַנישע מחנות.

דאָס וואָרט „נאָוואָגרודעק" איז געוואָרן אַ שלאָגלאָזונג אין וואַרשעווער געטאָ. „נאָוואָגרודעק" איז געווען דער פשט: ווידערשטאַנד.

אין גיכן איז אָנגעקומען פון אַ גרויסן אָקופּירטן צענטער אַן אַנדער גרוס, וואָס האָט געוויזן אַ דערמוטיקנדיקן בײַשפּיל, ווי אַזוי מען קאָן אַזאַ ווידערשטאַנד אָרגאַניזירן.

אין אַפּריל 1942 איז דורך געהיימע וועגן אָנגעקומען קיין וואַרשע, אין געטאָ, אַ יוגנט־דעלעגאַציע פון ווילנע. געהאָלפן האָט איר זיך אַרײַנצובאַקומען קיין וואַרשע אַ דײַטשער אונטעראָפיציר, אַן אַנטיפאַשיסט, אַנטאָן שמידט, וועלכער איז דערנאָך פאַרן חטא פון העלפן ייִדן דערהרגעט געוואָרן דורך די נאַצישע באַנדיטן.

צוויי פאַרשידענע גרוסן האָט געבראַכט די יוגנט־אָרגאַניזאַציע. איין טרויעריקן גרוס וועגן דער טראַגעדיע אין פּאָנאַר, וועגן די שרעקלעכע הריגות פון טויזנטער ייִדישע מענטשן. און אַ צווייטע בשורה — וועגן דער אַנטשטייונג פון דער פאַראייניקטער פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע פון ווילנער געטאָ, אונטער דער אָנפירונג פונעם קאָמוניסט איציק וויטענבערג. די פפ"אָ איז געווען אַ פאָרעם פון אַ ברייטן נאַציאָנאַלן קאַמפספראָנט און אַן אָרגאַנישער טייל פון דער אַלגעמיין־ליטוויש־סאָוועטישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וואָס האָט עקסיסטירט אין דער ווילנער אונטערערד.

די טוערס פונעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק האָבן אין אַפּריל 1942 צונויפגערופן אַ זיצונג פון א"ג געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו אין געטאָ ,פאַרבעטן נישט בלויז די אַנטיפאַשיסטן, נאָר אַלעמען, ביז די פאָרשטייערס פון די רעליגיעזע יִדן. אויף דער זיצונג האָט מען געדאַרפט אויסהערן אַ באַריכט פון ווילנע און אויסאַרבעטן אַ פּלאַן פון אַ קאָאָרדינירטער ווידערשטאַנד־טעטיקייט.

דעם פאַרלויף פון דער דאָזיקער זיצונג האָט בײַ זיך פאַרשריבן איינער פון אירע אָנטיילנעמערס, מרדכי טענענבוים, טאַמאַראָוו. אַ יאָר שפּעטער, אין אַפּריל 1943 ,האָט ער, געפינענדיק זיך אין ביאַליסטאָקער געטאָ־אונטערערד, עם גענוי באַשריבן ,און היות זײַנע שריפטן האָבן זיך טיילווײַז אָפּגעראַטעוועט, זענען מיר בכוח צו רעקאָנסטרויִרן אַ בילד פון דעם ,וואָס איז אויף דער זיצונג פאָרגעקומען. דאָס איז אַ בילד, וואָס גיט אין אַ געוויסער מאָס אַן ענטפער אויף דער פראַגע: פאַר וואָס איז נישט געווען קיין מאַסן־ווידערשטאַנד פון די יִדן אין וואַרשעווער געטאָ בײַם אויסבראָך פון דער ליקווידיר־אַקציע?

די פאָרשטייערס פון די קרײַזן וואָס זענען נישט געווען פאַרטראָטן אינעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק זענען אַרויסגעטראָטן דעצידירט קעגן וועלכן נישט איז ווידערשטאַנד־געדאַנק. הגם די מאָטיווירונג פון די רעליגיעזע וואָרטזאָגערס, פון די אַלגעמיינע ציוניסטן און פון די רעכטע פירערס וועלכע האָבן דעמאָלט פאַרטראָטן דעם „בונד", איז געווען אַ פאַרשידענע, האָט זיך אָבער זייער שטעלונג דערפירט צו איינס: מען טאָר נישט פּראָוואָצירן דעם שונא, מען דאַרף נישט אַרויסרופן דעם וואָלף פון וואַלד, מען דאַרף וואַרטן און גאָרנישט טאָן.

הרב ניסענבוים פון „מזרחי" האָט באַגרינדעט זײַן קעגנערשאַפט צו דער איניציאַטיוו פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און צום ווילנער רוף מיט „רעליגיעזע אַרגומענטן"; די יִדישע רעליגיע, האָט ער געזאָגט, דערלויבט נישט צו באַגיין זעלבסטמאָרד, און אַרויסטרעטן אין אַקטיוון קאַמף קעגן שונא הייסט — נעמען זיך דאָס לעבן.

מנחם קירשענבוים פון די אַלגעמיינע ציוניסטן האָט געוואָרנט זיך נישט צו שפּילן מיט פײַער; נאָך אַלעמען, האָט ער געזאָגט, הוליעט דער היטלעריסטישער מלאך המוות אין די סאָוועטישע געביטן; אין וואַרשע, דערקעגן, אין האַרץ פון אייראָפּע, וועלן זיך די נאַצים אויף אַזעלכע זאַכן נישט דערלויבן.

מאָוריצי אָזשעך פון „בונד" *) האָט דערקלערט, אַז מען דאַרף רופן צו „פּסיכישן ווידערשטאַנד"; זײַן קעגנערשאַפט צום געדאַנק פון אַקטיוון קאַמף האָט ער אײַנגעהילט אין מליצות וועגן דעם אַז מען דאַרף וואַרטן ביז עס וועט אויפשטיין דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט.

בלויז פינקעלשטיין (לעוואַרטאָווסקי) האָט פאַרטראָטן די שטעלונג פון באַלדיקן אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד. זײַן אַרויסטריט האָט — ווי עס דרינגט אַרויס פון טאַמאַראָווס ווערטער — געטראָפן צו די געפילן און מיטגעריסן די לינקע עלעמענטן פון דער ציוניסטישער יוגנט, וועלכע האָט רעוואָלטירט קעגן דער קאַפּיטולאַנטישער שטעלונג פון „אָנערקענטע" ציוניסטישע פירער.

די ווילנער דעלעגאַציע איז אַרויס אַ צעבראָכענע פון דער זיצונג. די אילוזיעס, דאָס נישט פאַרשטיין די לאַגע, די שרעק האָבן טיף געשטעקט בײַ די בירגערלעכע און רעכט־סאָציאַליסטישע טוערס.

דער אַנטיפאַשיסטישער באַוווּסטזיניקער טייל פון דער געטאָ־אונטערערד האָט פאַרשטאַנען אַז אָזשעכס מיינונג וועגן דעם, אַז מען דאַרף וואַרטן „ביז דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט וועט אַרויסטרעטן", איז אין גרונט אַ פאַלש־רעאַקציאָנערע. דער אַנטיפאַשיסטיש־פּאַטריאָטישער טייל פון דער פּוילישער אונטערערד האָט זיך שוין אַ שטאַרקן רודער געטאָן פון דעם מאָמענט אָן, ווען עס איז גערופן געוואָרן צום לעבן די פּפּ"ר. דאָס האָט נישט בלויז געקאָנט באַמערקן דער פלײַסיקער יִדישער און פּוילישער אָבסערוואַטאָר פון פּאָליטישן לעבן אין לאַנד, דאָס האָט אויך זייער שנעל דערפילט דער אָקופּאַנט.

עס ליגט פאַר אונדז אַן אינטערעסאַנטער דײַטשער דאָקומענט: די געהיימע חודשלעכע באַריכטן פון דעם וואַרשעווער גובערניאַלן אַמט צו דער „רעגירונג" פון דער גענעראַל־גובערניע אין קראָקע, וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אין וואַרשעווער דיסטריקט. ווען מיר פאַרגלײַכן דעם אינהאַלט און דעם טאָן פון די באַריכטן (אונטערגעשריבן דורך דעם גובערנאַטאָר פישערס פאַרטרעטער ד"ר הומעל) פאַר די לעצטע חדשים פון יאָר 1941 מיט די ראַפּאָרטן פון די ערשטע חדשים פון 1942, קאָנען מיר זיך נישט באַפרײַען פון דעם אײַנדרוק, וואָס פאַר אַ טיפע ענדערונג עס איז אַרײַן אין דער פּוילישער אונטערערד. אין די ערשטע באַריכטן איז ד"ר הומעלס טאָן אַ רויִקער, ער איז צופרידן וואָס די פּוילישע אונטערערד פאַרנעמט זיך מיט „פּסיכישן ווידערשטאַנד", די זשאַנדאַרמישע פּאָסטנס אין קרײַז לעבן זיך געלאַסן און זיכער. אָבער שוין אין די באַריכטן פאַר יאַנואַר און פעברואַר 1942 ווערט דער דיסטריקט־פאָרשטייער אומרויִק, און וואָס ווײַטער, אין משך פון די שפּעטערדיקע חדשים, ווערט ער אַזש צערייצט. עס איז אויפגעקומען — זאָגט זיך אין די באַריכטן פאַר דער ערשטער העלפט פון יאָר 1942 — אַן אַנדער כוח אין דער פּוילישער אונטערערד, וואָס אָריענטירט זיך אויפן ראַטן־פאַרבאַנד. די פּוילישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג — שטעלט ווײַטער פעסט ד"ר הומעל — הייבט אָן אַריבערגיין פון פּראָפּאַגאַנדע צו אָנפאַלן אויף דײַטשן. די לאַגע פון די זשאַנדאַרמישע פּאָסטנס ווערט געפערלעך. עס באַווײַזן זיך פּאַרטיזאַנערס, עס הייבט זיך אָן אַ געראַנגל.

אויך די פּוילישע רעאַקציע האָט זיך אָנהייב 1942 אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון דער טיפער און גרויסער נײַס וואָס איז אַרײַנגעבראַכט געוואָרן אין לעבן פון לאַנד מיטן אויפקום פון דעם דינאַמישן כוח וואָס הייסט פּפּ"ר. אין די אַרכיוון פון דער דעלעגאַטור, וואָס האָבן זיך אָפּגעפונען אין וואַרשע, איז פאַראַן אַ כאַראַקטעריסטישער דאָקומענט, אַ באַריכט פון דער אַנטיקאָמינטערן־סעקציע בײַ דעם דעלעגאַטאָרישן פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל. דער דאָזיקער באַריכט אַליאַרמירט, אַז עס איז אויפגעקומען אַ גרויסע געפאַר (פאַר דער רעאַקציע — ב. מ.), עס האָט זיך ווידער באַוויזן די „זשידאָ־קאָמונאַ", מען גייט שוין באַנײַס אַגיטירן די פּאָליאַקן צו „אומבאַרעכנטע שריט", צום אויפשטאַנד.

וועגן די אַלע נײַע דערשײַנונגען אין דער פּוילישער אונטערערד האָט מען אין די באַוווּסטזיניקע געטאָקרײַזן געוווּסט. עס דערציילט וועגן דעם די לינקע געטאָ־פּרעסע און ביידע געטאָ־כראָניקערס אברהם לעווין און שמואל ווינטער, עס זאָגן עדות דערויף אַ ריי נאָטיצן בײַ רינגעלבלומען. נישט בלויז יעדער ווידערשטאַנדאַקט בײַ פּאָליאַקן איז מיט באַגײַסטערונג אויפגעכאַפּט געוואָרן דורך די יִדן וואָס האָבן זיך אָריענטירט אויפן אַנטיפאַשיסטישן

---

*) איינער פון די רעאַקציאָנערסטע פירערס פון „בונד". אַ שונא פונעם ראַטן־פאַרבאַנד און פון די קאָמוניסטן.

בלאָק. לעווין דריקט אויס די גרויסע פרייד פון די געטאָ־אסורים מיט דער ידיעה וועגן דערהרגענען דורך טשעכישע פּאַטריאָטן דעם איבערמערדער היידריך. דעריבער האָט זיך נישט אָנגענומען אַזשעכס שטעלונג, און אויך די שטעלונג פון די רעכטע ציוניסטישע פירערס, די שטעלונג וואָס איז געווען אַ ווידערקול פון לאָנדאָן. דעריבער האָט געהאַט אַזאַ ברייטן אָפּקלאַנג און טיפע סימפּאַטיע די טעטיקייט פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, די אַרבעט פון דער פּפּ״ר.

דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק טרעט צו אַרויסצוגעבן אַן אייגענעם אָרגאַן — „דער רוף״. דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק לאָזט אַרויס אַן אויפרוף צו דער ייִדישער באַפעלקערונג. דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק שטעלט זיך צום קאַמף קעגן די פאַלשע אילוזיעס, קעגן די גאַנצוויטש־רומקאָווסקישע און ציוניסטיש־בורזשואַזע „טעאָריעס״, אַז געטאָ איז גוט פאַר ייִדן, ווײַל דאָ קאָן זיך אַנטוויקלען דער... ייִדישער נאַציאָנאַלער טיפּ; קעגן זייער פאַררעטערישער אײַנשטעלונג, אַז היטלער־דײַטשלאַנד וועט זיגן און דעריבער דאַרפן ייִדן זיך זען אײַנפּאַסן אין זייער טרויעריקן מעמד אין די ראַמען פון דריטן רײַך. „דער רוף״ באַקעמפט אויך די אָריענטאַציע אויף די מערב־גרויסמאַכטן, וועלכע איז געפלעגט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער און בונדישער פּרעסע. דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק פאַרטרעט אַן אומבויגזאַמע אָריענטאַציע אויפן ראַטן־פאַרבאַנד. דער „רוף״ רעדט וועגן קאַמף פאַר אַ נײַעם, שטאַרקן סאָציאַל־גערעכטן פּוילן. ער וועקט צו שאַפן אַ ברייטן נאַציאָנאַלן קאַמפספראָנט. די אַנטיפאַשיסטן ווערן בײַ זיך נישט געפאַלן צוליב די רעזולטאַטן פון דער זיצונג אין אַפּריל און אויך נישט פון די מאַרץ־אונטערהאַנדלונגען מיטן „בונד״. איינקייט אין קאַמף איז דאָס געבאָט פון דער שעה. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז איינע פון די פּרעסע־אויסגאַבעס פון פּפּ״ר אין געטאָ אין יענעם פּעריאָד טראָגט דעם פּילזאָגעוודיקן נאָמען „איינקייט״.

און דאָס סאַמע וויכטיקסטע: דער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק, אָפּגעבנדיק זיך אַ קלאָרן און דרייסטן דין־וחשבון פון דער סיטואַציע און פון דעם וואָס עס דערוואַרט די ייִדן, מאַכט פיבערדיקע צוגרייטונגען צום אַקטיוון ווידערשטאַנד, צו זעלבשוץ.

פון אַלע פאַראַנענע מקורות דרינגט אַרויס, אַז די צײַט פון די חדשים מאַרץ, אַפּריל און מײַ איז געווען אַן אויפשטײַג־פּעריאָד פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז עס זענען פאָרגעקומען געהיימע מאַסן־פאַרזאַמלונגען, אויף וועלכע מען האָט אָפן גערעדט וועגן אַקטיוון ווידערשטאַנד. עס זענען אויך פאַראַן שפּורן, אַז מען האָט שוין דעמאָלט געמאַכט אַטענטאַטן אויף היטלעריסטישע וועכטערס.

איצט האָט גענומען דאָס וואָרט דער שונא. עס קומט דער ערשטער בלוטיקער קלאַפּ — די טרויעריקע נאַכט פון 17טן אויפן 18טן אַפּריל.

צו שווערע טעראָראַקטן איז דאָס געטאָ געווען צוגעוווינט שוין פון לאַנג. אָבער איצט איז געקומען אַ ציל־געווענדטער קלאַפּ, וואָס האָט געטראָפן אין אַן אָנגעזעענעם טייל פון די אַנטיפאַשיסטישע קאַדרען 6).. פון וואַנען עס האָט זיך גענומען דער פאַקט, וואָס די געסטאַפּאָ האָט געוווּסט וועמען אַרויסצושלעפּן בײַ נאַכט פון דער היים און אַוועקלייגן אַ טויטן מיט אַ שאָס אין נאַקן, איז נישט באַקאַנט. צי דער אָנהייב האָט זיך געצויגן פון די מאַסן־אַרעסטן פון פעברואַר אין די רייען פון די „פּוילישע סאָציאַליסטן״, צי עס האָט דאָ געשטעקט אַ האַנט פון אַ פּראָוואָקאַטאָר, ווי עס סוגערירן געוויסע נישט לאַנג אַנטדעקטע מאַטעריאַלן, אָדער דאָס איז געווען די אַרבעט פון ייִדישע אַגענטן פון דער היטלעריסטישער זיכערקייט־פּאָליציי — אַזוי צי אַנדערש, נאָר נאָך דער הריגה פון 52 אַנטיפאַשיסטישע טוערס, פּראָגרעסיווע קולטור־עסקנים, זעצערס פון די קאָנספּיראַטיווע דרוקערײַען און מענטשן וואָס האָבן געשטיצט די באַוועגונג מיט געלט, האָט זיך אָנגעהויבן אַ כוואַליע פון בלוטיקע רעפּרעסיעס און פּאָליטישע מאָרדן, וואָס האָט געדויערט ביז דער גרויסער ליקווידאַציע אין יוני 1942.

די דאָזיקע רעפּרעסיעס־אַקציע איז געווען נישט קיין לאָקאַלע וואַרשעווער דערשײַנונג. זי האָט זיך ווי אַ כוואַליע אַדורכגעטראָגן איבער אַ ריי שטעט און געטאָס, זי האָט געריסן לעבעדיקע שטיקער סײַ פון דער ייִדישער, סײַ פון דער אַלגעמיין־פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. אין ליכט פון די לעצטע פּאָליטישע פּראָצעסן איבער נס״ז און „סטאַרט״־מענטשן ווערט קלאָר אַז אין די מאַסן־אַרעסטן האָט אויך געשטעקט די האַנט פון פּוילישע פאַררעטערס.

אויפן געטאָ איז אָנגעפאַלן אַ גרויל. אָבער די אַנטיפאַשיסטן האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר די רעפּרעסיעס. זיי האָבן זייער טעטיקייט פאַרשטאַרקט. נישט געקוקט אויף דעם ,וואָס דער פּרעזעס פון יודענראַט רופט אַרויס אַ טוער פון אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו, וועלכער איז פאַרבונדן מיטן בלאָק, און וואָרנט אים, עס זאָל אָפּגעשטעלט ווערן די אומלעגאַלע פּרעסע, פאַרגרעסערן די אַנטיפאַשיסטן דעם אונטערערדישן פאַרלאַג־וועזן. דער בלאָק לאָזט אַרויס דעם 15טן מײַ אַ שטאַרקן אויפרוף מיט אַ ווענדונג צו שטעלן אַ האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד, און מערקווערדיק: די זעלביקע דאַטע פון 15טן מײַ טראָגט דער ערשטער נומער פון דעם אָרגאַן פון דער פאָלקסגוואַרדיע „גוואַרדזשיסטאַ״, וואָס האָט פאַרעפנטלעכט דעם באַרימטן באַפעל פון דער הויפּט־אָנפירונג פון דער דאָזיקער פּאַטריאָטיש־אַנטיפאַשיסטישער קאַמפס־פאָרמאַציע צו די פּאַרטיזאַנערס, זיי זאָלן אַרויסמאַרשירן אין פעלד. אין געטאָ איז אַרײַנגעפירט געוואָרן אַ גרעסערע צאָל פונעם „גוואַרדזשיסטאַ״, וועלכער האָט געמאַכט, ווי עס גיבן איבער עדי ראיה, אַן אומגעהײַערן רושם. עס איז דעריבער נישט קיין פּשוטע זאַך, וואָס די ביידע דאַטעס פאַלן זיך צונויף. צוזאַמען מיטן אָנהייב פון דער קאָאָרדינירטער פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט אין לאַנד שטײַגט די שלאַכטגרייטקייט פון די ווידערשטאַנדלערס אין געטאָ. ביידע דערשײַנונגען זענען מיט זיך ענג געבונדן.

עס הייבט זיך אָן אַן אויסטערליש געפעכט צווישן דער געסטאַפּאָ און דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. די געסטאַפּאָ פירט אויס אירע נאַכטמאָרדן — די אַנטיפאַשיסטן גרייטן די ערשטע פּאַרטיזאַנישע גרופּעס און רופן צו וואַכזאַמקייט, צו שליסן די רייען און צו ווידערשטאַנד.

דעם 30טן מײַ לאָזט זיך אַראָפּ אַ פרישער ווייטיקלעכער קלאַפּ. אין איינעם מיט די מאַסן־אַרעסטן צווישן פּפּ״ר־טוער אין וואַרשע בכלל, קומט דער טראַגישער אַרעסט פון די פּפּ״ר־טוער אין געטאָ; פון אַנדזשעי שמיט, אַדאַם מערעטיק און דוויד וואָלאָסקאָ. שמיט שטעלט אין גאַס אַ ווידערשטאַנד און ווערט אין אַ צעממיתטן צושטאַנד אָפּגעפירט אין פּאַוויאַק. די דרײַ מסירת־נפשדיקע קעמפערס, וועלכע האָבן געהערט צום הויפּטאַקטיוו פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, ווערן אומגעבראַכט דורכן בלוטגיריקן שונא.

---

6) עס זענען צוו״א דעמאָלט געפאַלן דער לינק־סאָציאַליסטישער טוער אינזשי יעזשי נוידינג, דער אונטערערדישער קולטור־טוער מאַגיסטער מנחם לינדער, שפּעטער — דער זעצער סקלאַר א״א.

שווער האָבן די פּפּ"ר און דער אַנטיפאַשיסטישער אַקטיוו אָפּגעפילט דעם דאָזיקן קלאַפּ. אָבער אויפן אָרט פון די אומגעקומענע שטעלן זיך פרישע קאַדרען. די אַגיטאַציע גייט אָן ווײַטער — און די רעפּרעסיעס ווערן אַלץ חוצפּהדיקער און בלוטיקער. די תּליינים לויערן אין טויער, אויפן דאַך. זיי פאַרטײַען זיך בײַם געטאָ־אײַנגאַנג, זיי טוען זיך איבער פאַר יִדן, זיי שיסן שוין איצט אָן אַ פאַרוואָס און אָן אַ פאַרווען. די געטאָ־כראָניקעס פון מײַ און יוני זענען פול מיט ידיעות וועגן אומאויפהערלעכע מאָרדן. אין גיכן קומט אָן ענטפער פון די טיפענישן פון דער לײַדנדיקער מאַסע. פון אַן אומבאַקאַנטער האַנט פון אַ פאָלקס־נקמה־נעמער פאַלט אַ זשאַנדאַר בײַם געטאָ־טויער. דער שונא ענטפערט מיט אַ מאַסנמאָרד איבער 100 יִדישע אַרבעטערס אין באַביץ, הינטער וואַרשע, „פאַר נישט הערן די מאַכט”. פון אָט דער צײַט שטאַמט די באַקאַנטמאַכונג פון דעם היטלעריסטישן געטאָ־קאָמיסאַר אויערסוואַלד, וועלכער דראָט מיט די ווײַטגייענדיקסטע רעפּרעסיע־אַקטן פאַר „די יִדן, וועלכע שטעלן זיך אַנטקעגן די פּאָליציי־פאַראָרדענונגען, אָדער פירן דורך גוואַלדאַקטן. די לאַגע ווערט וואָס ווײַטער אַלץ מער אָנגעשטרענגטער.

אָבער דער בלוטיקער טעראָר טוט דערווײַל זײַנס. ער שרעקט אָפּ אַ סך מענטשן, אַ סך אויך פון די, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט צום אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. די מורא פאַר אַ קויל, וואָס קאָן טרעפן יעדע מינוט און אומעטום, האָט אָנגעוואָרפן אויף טייל מענטשן אַ גוואַלדיקן פּחד, און דער פאַקט האָט זיך געלאָזט פילן אין די ערשטע טראַגישע זומער־חדשים, ווען עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן געטאָ די קאַטאַסטראָפע פון דער ערשטער גרויסער ליקווידאַציע.

די דאָזיקע קאַטאַסטראָפע האָט געטראָפן די ברייטע געטאָ־מאַסן אומגעריכט, הגם די אַנטיפאַשיסטן האָבן כסדר געוואָרנט און אַליאַרמירט. אָבער די אַנטיפאַשיסטן זענען, לײַדער, נישט געווען דער איינציקער פאַקטאָר אין געטאָ. עס האָט אויך געווירקט די פאַרברעכערישע פּאָליטיק פונעם יודענראַט און פון די רעאַקציאָנערע ציוניסטישע און רעכט־בונדישע פירערס, וועלכע האָבן סאַבאָטירט דעם איינהײַטלעכן און נאַציאָנאַלן קאַמפּספראָנט. דער יודענראַט האָט אַפילו אין דעם לעצטן מאָמענט, אין אָנבליק פון דער ליקווידאַציע, געפּריידיקט אויף גזשיבאָווסקע גאַס פאַרן פאַרזאַמלטן אומגליקלעכן עולם, אַז עס איז גאָרנישט, עס איז אַ פּשוטער אַרויספאָר אויף אַרבעט. עס האָט דעזאָריענטירט די פּערפידע טאַקטיק פון דעם אָקופּאַנט, וועלכער האָט אָנגעווענדט זײַנע כיטרע מעטאָדן פון פאַלשע צוזאָגענישן, פון „טייל און הערש” צווישן די כלומרשט פּריווילעגירטע אַרבעטנדיקע און די יִדן אָן אַרבעטצײַגענישן. עס האָט אויך אַנטוואָפנט פּסיכיש די שטעלונג פון יענע קרײַזן, וועגן וועלכע עס דערציילט מרדכי טענענבוים אין זײַן אויבן ציטירטן באַריכט.

ווען עס האָבן אָנגעהויבן הוליען די פאַרניכטונגס־קאָמאַנדאָס מיט זייערע יִדישע פּאָליציייִשע באַהעלפערס אונטער דער אָנפירונג פון די פאַררעטערס יאַקוב לייקין, יוזעף שערינסקי און שמערלינג, האָבן די טוערס פון פּפּ"ר און פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען צונויפצונעמען די כוחות און ענטפערן מיט ווערדיקע אַקטן אויף דער הוליענדיקער פאַרניכטונג. אויף אַ שנעל צונויפגערופענעם געזעלשאַפטלעכן געטאָ־אַקטיוו איז לעוואַרטאָווסקי אַרויסגעטראָטן מיט אַ פלאַמיקן רוף: לאָמיר גיין שטורעמען די מויערן פון געטאָ! טויזנטער וועלן פאַלן, הונדערטער וועלן זיך אַדורכרײַסן! — דער דאָזיקער רוף איז געווען פּאָפּולער אין די אַנטיפאַשיסטישע קרײַזן — עס זאָגט וועגן דעם עדות דער פאַקט, וואָס דער לערער ישראל ליכטענשטיין איינער פון די, וועלכע האָבן באַגראָבן אונטער דער ערד די ערשטע קעסטלעך פונעם רינגעלבלום־אַרכיוו, איז אין זײַן לעצטן בריוו, וואָס ער האָט דאָרטן איבערגעלאָזט, געקומען צום זעלביקן אויספיר; ער קריטיקירט ביטער די יעניקע געזעלשאַפטלעכע טוערס, וועלכע האָבן ליבערשט געוואָלט זיך פאַרשטעקן אין בונקערס און געלאָזט די מאַסע אויפן באַראָט פונעם גורל; מען האָט געדאַרפט, שרײַבט ער, שטורעמען די געטאָ־מויערן. אַ סך וואָלטן געפאַלן, אָבער מיר וואָלטן פאַרפלייצט די „אַרישע” גאַסן און אפשר וואָלט זיך מיטגעריסן דער פּוילישער פּראָלעטאַריאַט.

אַן אָפּקלאַנג פון לעוואַרטאָווסקיס לײַדנשאַפטלעכן רוף געפינען מיר אויך אין יהושע פּערלעס כראָניק „חורבן וואַרשע”. אויך ער רעדט מיט ביטערניש, פאַר וואָס מען איז נישט אַרויס מיט העק און שטעקנס צו די געטאָווענט און ווײַטער.

דעם זעלביקן חשבון מאַכט שמואל ווינטער. אָבער דאָס אַלץ, די שאַרפע זעלבסטקריטיק איז געקומען שפּעטער.

און דערווײַל, אין סאַמע פלאַקער פון דער פאַרטיליקונג־אַקציע, איז לעוואַרטאָווסקי געשטאַנען אַליין אויף דעם געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו, אַליין מיט נאָך איינצלנע אַנטיפאַשיסטישע טוערס, מיט חיים אַנקערמאַנען, יוסף קאַפּלאַנען און אַנדערע. די מערהייט בורזשואַזע עסקנים, וואָס זענען געשטאַנען מחוץ דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, זענען געווען צעטומלט און פּאַניש דערשראָקן, טויב אויפן רוף פון פּפּ"ר, וואָס האָט געוויזן דעם איינציקן אויסוועג.

מיט אַ ווייטיק אין האַרצן איז אַרויס לעוואַרטאָווסקי פון דער זיצונג, — גיט איבער אַן עד ראיה ,וואָס האָט אים געזען אין די לעצטע טעג פון זײַן לעבן. ער האָט אָבער נישט רעזיגנירט פון ווײַטערדיקן קאַמף.

לײַדער איז שוין נישט באַשערט געווען נישט לעוואַרטאָווסקין, און נישט אַ טייל אַנדערע בײַזײַענדיקע אויף דער זיצונג צו זען מיט די אייגענע אויגן די פּירות פון זייער קרבנותפולער אַרבעט. אין גיכן פאַלט יוסף לעוואַרטאָווסקי אויפן פּאָסטן; ער ווערט דערמאָרדעט דורך די נאַצישע בעסטיעס. אויך דער אַנטיפאַשיסט יוסף קאַפּלאַן, איינער פון לעוואַרטאָווסקיס גרעסטע אָנהענגערס אין דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, פאַלט אַרײַן אין די הענט פונעם שונא און קומט אום אין דער פּאַוויאַק־תּפיסה צוזאַמען מיט אַ צווייטן אַנטיפאַשיסט, שמואל ברעסלאַוו.

אין דער זעלביקער צײַט קומט אָן די ברידערלעכע הילף פון די פרײַנד פון דער „אַרישער” זײַט. נאָר איידער מיר וועלן איבערגעבן וועגן דעם, לאָמיר זיך אָפּשטעלן אַ ווײַל אויף דער באַציִונג פון דער פּוילישער אונטערערד צו דער טראַגעדיע און צום פעלקערמאָרד, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט הינטער די געטאָ־מויערן.

ווען מען בלעטערט אַדורך די פּרעסע־אָרגאַנען פון די רעכטע פּאַרטייען פון אונטערערדישן פּוילן פאַר די זומער־חדשים פון יאָר 1942, קאָן מען זיך נישט באַפרײַען פון דעם פּײַנלעכן אײַנדרוק, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פולשטענדיקער פאַרשווערונג פון פאַרשווײַגן דעם מאָרד איבער אַ פאָלק, וואָס איז פאָרגעקומען אין שכנות, אין סאַמע האַרץ פון וואַרשע. העכסטנס האָבן זיך עטלעכע פון די דעלעגאַטור־צײַטונגען דערלויבט אויף אַ קורצער, לאַקאָנישער, טרוקענער אינפאָרמאַציע. לויט די דאָזיקע צײַטונגען האָט עס אויסגעזען — האָט שפּעטער געשריבן די אויפגעבראַכטע פּרעסע פון פּפּ"ר — ווי הינטער די געטאָווענט וואָלט ליקווידירט גע־

וואָרן עפּעס אַן אונטערנעמונג און נישט קיין לעבעדיקע מענטשן. די פאַרשווערונג פון שווײַגן בײַ דער פּוילישער רעאַקציע אין לאַנד איז געווען אין אײנקלאַנג מיט אַן ענלעכער פאַרברעכערישער גלײַכגילטיק לגבי דעם מאַסנמאָרד איבער די פּוילישע יִדן בײַ די אָפיציעלע קרײַזן פון די מערבדיקע גרויסמאַכטן. עס האָט דער־ריבער געהאַט אַ גרונד אַן אומבאַקאַנטער פּוילישער אונטערערדישער כראָניקער אויסצורופן מיט גרויס פאַרביטערונג: „עס שווײַגט אינעם וואַטיקאַן גאָטס פאַרטרעטער, עס שווײַגן אין לאָנדאָן, אין וואַשינגטאָן, די פאַרטיידיקערס פון דער גוטער זאַך, עס שווײַגט די רעגירונג פון דער פּוילישער רעפּובליק... עס שרעקט דאָס דאָזיקע שווײַגן און מאַכט שטוינען". און פּונקט אַזוי האָט שמואל ווינטער געהאַט אַ יסוד צו שרײַבן אין פעברואַר 1943, זיצנדיק אין אַ בונקער אויפן אומבאַקאַנטן קבר פון דער אייגענער משפּחה און פון אייגענעם פאָלק, די ווײַטערדיקע צאָרנדיקע ווערטער: „ווען די „דעמאָקראַטיעס" 7) וואָלטן באמת געוואָלט פאַרהעלפן סטאַלינען צום נצחון, וואָלטן זיי דאָס געקאָנט טאָן מיט אַ קלענערער אָנשטרענגונג! היטלער וואָלט געלעגן אויף די לאָפּאַטקעס! לײדער ווילן די „דעמאָקראַטיעס" נישט דערלאָזן סטאַלינס נצחון! נישט בחינם זענען די „דעמאָקראַטיעס" גליקלעך, וואָס היטלער האָט אומגעבראַכט די פּוילישע יִדן; נישט בלויז דערפאַר, וואָס זיי זענען פּטור געוואָרן פון יִדן — נאָר ווײַל עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן רויטאַרמייער אין דער פּאָטענץ (בכוח)... שלאָפט טשוירטשיל מיט דער ענגלישער בורזשואַזיע רויִקער! ימח שמם!"

די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי און אַלע פּאַטריאָטיש־דעמאָקראַטישע עלעמענטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז וואָס שנעלער עס וועט מקוים ווערן דער צוזאָג פון אַמעריקע און ענגלאַנד וועגן עפענען דעם צווייטן פראָנט אין אייראָפּע, אַלץ גיכער וועט קומען אַ סוף צו די יסורים פון די יִדן און פון אַלע אונטערגעיאָכטע פעלקער, אַלן פאַלס וואָלט עס שטאַרק פאַרקלענערט די צאָל קרבנות. עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס טאַקע דעם 15טן אויגוסט 1942, ווען אומשולדיק יִדיש בלוט האָט זיך געגאָסן שטראָמענווײַז אויף די געטאָגאַס, האָט די צײַטשריפט פון פּפּ"ר „טריבונאַ כלאָפּסקאַ" (פּויערים־טריבונע) אויפגעהויבן אַזוי שאַרף די פראַגע פון תיכף עפענען דעם צווייטן פראָנט. אָבער די אָפיציעלע קרײַזן פון דער מערבדיקער וועלט זענען געבליבן טויב און שטום. און פּונקט אַזוי איז געבליבן טויב די אָנפירונג פון זוו"ז (א"ק) אויף די אויפפאָדערונגען און ווענדונגען פון יִדישע פאַרבינדלערס אויף דער „אַרישער" זײַט, וועלכע האָבן פאַרלאַנגט איין זאַך: אַ ביסל געווער, כדי צו געבן אַ ווערדיקן ענטפער די פעלקער־מערדערס. די מאַגאַזינען פון זוו"ז (א"ק) זענען שוין דעמאָלט פול געווען מיט געווער. נאָך מער: עס איז הײַנט, אין ליכט פון וויכטיקע גביות־עדות פון געוועזענע אָפיצירן און פאַרבינדלערס פון זוו"ז (א"ק) קלאָר, אַז די דאָזיקע מיליטערישע פאָרמאַציע פון דער סאַנאַציע־קליקע האָט אַפילו מאַגאַזינירט גרויסע צאָלן געווער אין געטאָ גופא. אין דער זעלביקער צײַט, ווען די אַנטיפאַשיסטישע יוגנט אין געטאָ האָט זיך געפּײַניקט אינעם טראַגישן באַוווּסטזײַן אַז זי האָט נישט מיט מיט וואָס אַרויסצוטרעטן קעגן די רוצחים; אין דער זעלביקער צײַט, ווען דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון פּפּ"ר אויף דער „אַרישער" זײַט האָט אײנעם פון זײַנע צוויי רעוואָלווערן (מער האָט ער דעמאָלט נישט פאַרמאָגט, ווײַל דאָס גאַנצע געווער איז אַוועק אין די

קעלצער און לובלינער וועלדער, וווּ עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג) אַוועקגעשענקט די יִדישע געטאָ־קעמפערס — אין דער זעלביקער צײַט זענען געלעגן נוצלאָז ריזיקע אַרסענאַלן סײַ אין וואַרשע בכלל, סײַ אין געטאָ בפרט — די אַרסענאַלן פון זוו"ז (א"ק). קיין איין ביקס פון אָט די אַרסענאַלן האָט נישט אויסגעשאָסן, קיין איין אַפילו דעמאָנסטראַטיווער שאָס איז פון זייער זײַט נישט געפאַלן.

יאָ, איין גרופּע פון די דעלעגאַטור־קרײַזן האָט גענומען אַ וואָרט און פּראָטעסטירט קעגן דעם פאַרברעכערישן שטיל־שווײַגן. אָבער אָך און ווי וואָס פאַר אַ „פּראָטעסט" דאָס איז געווען! די קאַטוילישע אָרגאַניזאַציע „פראָנט אָדראָדזעניאַ פּאָלסקי" (פראָנט פון פּוילנס ווידערגעבורט) מיט אַ וואַטיקאַנישער אָריענטאַציע, איז אַרויס מיט אַ בריוו, אין וועלכן די מחברים שרײַבן, אַז זיי ווילן נישט זײַן קיין פּילאַטן, הגם... די יִדן זענען אַזעלכע און אַזעלכע, אַז זיי קאָנען, נעבעך, זיך נישט אַנטקעגנשטעלן די מאָרדן און זענען נישט בכוח אימעצן צו ראַטעווען, נאָר זייערע הערצער זענען פול מיט רחמנות, הגם... די זשידעס וואַרפן בילבולים אויפן פּוילישן פאָלק, וכדומה. אין אמתער אינקוויזיטאָרישער, יעזויִטישער צביעות האָבן די דאָזיקע וואַטיקאַן־ריטערס אײַנגעהילט זייער „פּראָטעסט" כדי צו באַרויִקן דעם אייגענעם פינצטערן געוויסן. פון געבן הילף האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט.

אין ליכט פון דעם אַלעמען וואַקסט אויס צו אַ הויכער מדרגה פון אמתער מענטשלעכקייט די שטעלונג פון פּפּ"ר, וועלכע איז געווען די איינציקע אין דער פּוילישער געזעלשאַפט, וואָס האָט נישט נאָר געפונען שטאַרקע ווערטער פון פּראָטעסט און סאָלידאַרישקייט, נאָר אויך געבראַכט ממשותדיקע הילף.

די פּרעסע־ און ראַדיאָ־ביולעטינען פון פּפּ"ר פון יענער צײַט זענען פול מיט באַשרײַבונגען פון די געשעענישן אין געטאָ, פול מיט אַליאַרם־רופן. די אָרגאַנען פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי רופן די יִדן צו זעלבשוץ און די פּאָליאַקן צו הילף. דאָס לייענען מיר אין „טריבונאַ וואָלנאָשטשי", „גוואַרדזשיסטאַ", „טריבונאַ כלאָפּסקאַ", „ראַדיאָ־ביולעטין" א"אַ. די פּפּ"רישע פּרעסע האָט אָנגעוויזן, אַז די יִדן וואָס שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם אָקופּאַנט קעמפן אײנצײַטיק פאַרן לעבן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. אין אַ טיף דורכדרינגלעכן אַרטיקל אין „טריבונאַ וואָלנאָשטשי", פון אויגוסט 1942, ווערט דורכגעפירט אַן אַנאַליז פון דער דערשײַנונג, וואָס אין דער ערשטער צײַט פון דער ליקווידאַציע איז אין געטאָ נישט געווען קיין מאַסן־ווידערשטאַנד. דער אָרגאַן פון פּפּ"ר שטעלט פעסט אַז די פאַרברעכערישע אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק פון דער פּוילישער רעאַקציע האָט געשאַפן אַרום די יִדן אַן איזאָלאַציע, געשטרעבט זיי צו פאַראייניזאַמען. אין דער פּפּ"רישער פּרעסע פילן מיר אַרויס די זעלביקע שטעלונג, וועלכע עס האָט פאַרנומען לעוואַרטאָווסקי: „די זעלבשוץ מוז אָננעמען אַ מאַסן־כאַראַקטער. אין קאַמף וועלן אומקומען יחידים, אָבער עס וועלן זיך ראַטעווען טויזנטער" („ראַדיאָ־ביולעטין", אָרגאַן פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון פּפּ"ר, נ"ר 34, 27־30 יולי 1942).

די לאַגע אין געטאָ איז געשטאַנען אין משך פון דער גאַנצער צײַט אויף דעם טאָג־סדר פון די זיצונגען פון צענטראַל־קאָמיטעט און פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי. אוודאי, ווען די פּפּ"ר וואָלט אין יענער צײַט געווען אַ שטאַרקערע ווי זי איז געווען, וואָלטן דעמאָלט די געשעענישן טיילווײַז אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער. אָבער די פּאַרטיי איז נישט לאַנג געהאַט אַנטשטאַנען, זי איז באַלד פון אָנהייב געווען ביטער און מיאוס באַקעמפּט דורך

---

[7] די גענדזנפיסלעך זענען ווינטערס. אונטער די „דעמאָקראַטיעס" מיינט ווינטער די פאַראייניקטע שטאַטן און גרויס־בריטאַניע.

די דעלעגאַטור־קרײַזן, וועלכע האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר מסירות צו דער געסטאַפּאָ; און קיין געווער האָט די פּפּ״ר נאָך נישט פאַרמאָגט, און פון דעסט וועגן האָט די פּאַרטיי — אחוץ די אַרויסטריטן אין דער פּרעסע און דעם אַרויסרוקן אַ קאָנקרעטע קאַמפּראָגראַם — דורכגעפירט אַ ריי וויכטיקע הילפאַקציעס.

אין סאַמע ברען פון דער ליקווידיר־אַקציע האָט דער שליח פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון פּפּ״ר, הענריק קאָטליצקי, אַרײַנגעטראָגן אין געטאָ אַרײַן אַ רעוואָלווער, באַהאַלטן אין אַרבל. פון אָט דעם רעוואָלווער האָט דער קעמפער ישראל קאַנאַל 8) געשאָסן דעם 25טן אויגוסט אין דעם פאַררעטער, דעם שעף פון דער געטאָ־פּאָליציי יוזעף שערינסקי. דער טויטאורטייל איבער דעם משומד שערינסקי און אַנדערע פאַררעטערס און קאָלאַבאָראַנטן איז געווען אין הסכם מיט דעם באַשלוס פון די קעמפערס פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק צו שטעלן אונטער אַ באַשולדיקונג די דאָזיקע אויסוווּרפן און יוצר־משרתים פונעם שונא. די ייִדישע קעמפערס האָבן פאַרשטאַנען אַז קודם־כּל מוז מען אויסרייניקן די אַטמאָספער אין געטאָ און באַזײַטיקן די עקלדיקע „אייגענע" מוסרים און כאַפּערס, וועגן וועלכן עס שרײַבן אין אַזעלכע צאָרנדיקע ווערטער אַלע כראָניקערס פון דעם אונטערגייענדיקן ייִדישן קיבוץ אין וואַרשע.

קאַנאַל האָט נישט אין גאַנצן געטראָפן. דער אָרעם פון דעם ערשטן ייִדישן שיסער אין געטאָ איז נאָך נישט געווען גענוג פעסט און זיכער. שערינסקי איז אָפּגעקומען מיט אַ שווערער וווּנד. אָבער דער ערשטער שאָס אין האַרץ פון אַ פאַררעטער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סיגנאַל צום אַקטיוון ווידערשטאַנד 9).

די קעמפערס ווערן דערמוטיקט. זיי טרעטן צו אונטערצוצינדן די מאַגאַזינען פון דעם שונאס אונטערנעמונגען אין געטאָ. ייִדן הייבן אָן זיך ראַנגלען. די כראָניקערס פאַרצייכענען פאַלן פון אַרויסרײַסן ביקסן בײַ אוקראַיִנישע פאַשיסטן, פון מאַסן אַנטלויפן פון די געכאַפּטע רייען. די גאַסן וואָלינסקע, פּאַנסקע, טוואַרדע, נאַלעווקעס און אַפילו דער אומשלאַג־פּלאַץ ווערן אַרענעס פון אַ סטיכישן און אינדיווידועלן ווידערשטאַנד. דער באַקאַנטער ראַפּאָרט פון 15טן נאָוועמבער 1942 רעדט וועגן 4.517 פאַלן פון דערשיסן ייִדן אויפן אָרט דורך די דײַטשן אין משך פון חודש אויגוסט, און וועגן 2.648 אַזעלכע פאַלן פון 6טן ביזן 12טן סעפּטעמבער. צווישן די דאָזיקע טויזנטער דערשאָסענע זענען געווים — אחוץ זקנים און קראַנקע — געווען אַ סך וואָס זענען אומגעקומען אין רעזולטאַט פון אַקטיוון ווידערשטאַנד.

דער צווייטער מין הילף פון פּפּ״ר איז געווען דאָס אָרגאַניזירן אַ מאַסן־אַוועקגיין צו די פּאַרטיזאַנער. אין אָט דער אַקציע האָט שוין דעמאָלט אויפגעגלאַנצט דאָס געשטאַלט פון דער יונגער ניוטע טייטלבוים, וועלכע איז געווען די נשמה פון די פאַרבינדונגען צווישן געטאָ און וואַלד.

---

8) קאַנאַל איז פריִער געווען אַ פּאָליציאַנט. ער האָט איבערגעריסן מיט דער פאַרגאַנגענהייט און זיך אײַנגעשלאָסן אין די רייען פון די קעמפערס. היות ער איז פריִער געווען אַ פּאָליציאַנט און האָט געקענט די אַרײַנגענג צו שערינסקין, איז ער באַשטימט געוואָרן דורך די אַנטיפאַשיסטישע טוערס פאַרן אויספירער פונעם אַטענטאַט.

9) די ייִדישע קעמפערס האָבן וועגן אויספירן דעם טויט־אורטייל איבער שערינסקין געמאָלדן אין אַן עפנטלעכער באַקאַנטמאַכונג און וואָרענונג (אַזוי גיט איבער אין זײַנע נאָטיצן אברהם לעווין).

און דער דריטער מין וויכטיקע הילף זענען געווען די אַליאַרם־ראַדיאָ־דעפּעשעס, וואָס זענען פון דער טיפער פּויליש־אַנטיפאַשיסטישער אונטערערד אין וואַרשע אַוועק אויף מיזרח, צו דער פּאַרטיזאַנישער באַזע אין ווײַסרוסלאַנד און פון דאָרט קיין מאָסקווע. עס דערציילט וועגן דעם אויספירלעך אַ פּאַרדינסטפולער פּוילישער פּאַרטיזאַנישער קאָמיסאַר, וואָס האָט די אַליאַרם־קאָמוניקאַטן געזען. עס באַשטעטיקן די זאַך די אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן פונעם שטאַב פון דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן דער טיפער אונטערשיד צווישן דעם רעאַגיר־אופן פון קאַפּיטאַליסטישן מערב און פונעם סאָציאַליסטישן מיזרח. ענטפערנדיק אויף די אַליאַרם־רופן פון וואַרשע, האָט די סאָוועטישער אַוויאַציע אויף די מיזרחדיקע קרײַזן פונעם דיסטריקט. איין אויגוסט 1942, גענומען אַטאַקירן די באַנליניעס וואָס האָבן פון וואַרשע געפירט אויף מיזרח, צווישן אַנדערע — קיין טרעבלינקע. די דערמאָנטע חודשלעכע באַריכטן פון דעם וואַרשעווער דיסטריקטאַמט פאַר אויגוסט און סעפּטעמבער 1942 ראַפּאָרטירן אַז 15 מאָל זענען געווען לופטפּלי־אַליאַרמען און אָנפאַלן פון דער סאָוועטישער אַוויאַציע אויף די מיזרחדיקע קרײַזן פונעם דיסטריקט. איין שטאַרקער אָנפאַל האָט אַטאַקירט די געגנט אַרום געטאָ, די טרויעריק־באַקאַנטע באַפעלשטעלע אויף אײַזנגאַס נומער 103, וווּ עס איז געווען דער צענטער פון די ייִדן־פּײַניקונגען, און די ערטער אין שכנות פון אומשלאַג־פּלאַץ און פון די געטאָ־טויערן. ווי עס גיבן איבער עדי־ראיה, האָט דער אָנפאַל אַרויסגערופן אַ פּאַניק בײַ די פאַשיסטישע וועכטערס און אַ פרייד בײַ די ייִדן, וועלכע האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און גענומען לויפן. וועגן אָט דעם אָנפאַל שרײַבט די טראַגיש אומגעקומענע מעמואַריסטין פון וואַרשעווער געטאָ נעמי ווײַנקראַנץ־שאַץ 10), אַז ערשט איצט האָבן זיך די ייִדן איבערצײַגט, אַז מען האָט וועגן זיי נישט פאַרגעסן. און זי פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „אַ געבענטשטער אָנפאַל!"

וועגן דעם מעכטיקן אײַנדרוק וואָס דער אָנפאַל האָט געמאַכט בײַ דער פּוילישער באַפעלקערונג, שרײַבט דער אָרגאַן פון די „פּוילישע סאָציאַליסטן" „ראָבאָטניק":

אין דער נאַכט פון ערשטן אויפן צווייטן סעפּטעמבער האָבן זיך ווידער באַוויזן איבער וואַרשע און בפרט איבערן געטאָ סאָוועטישע עראָפּלאַנען. ווי עס גיבן איבער דײַטשע קוועלן, זענען אין רעזולטאַט פון די סאָוועטישע רעטאָרסיע־באָמבאַרדירונגען אומגעקומען 239 דײַטשן און 511 זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן.

אָט אַזוי איז לפּחות אין אַזאַ מאָס באַצאָלט געוואָרן דעם באַרבאַרישן שונא פאַר דעם גרויליקן פעלקערמאָרד איבערן ייִדישן יישוב אין וואַרשע.

אויף די געשעענישן פון סעפּטעמבער שליסן מיר אָפּ דעם ערשטן פּעריאָד פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ, דעם פּעריאָד פון דער רומפולער טעטיקייט פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. דאָס הייסט אָבער נישט אַז נאָך סעפּטעמבער איז פאַקטיש דער בלאָק און זײַן גײַסט און טראַדיציע אָפּגעשטאָרבן. דאָס וואָס איז ווײַטער געשען, איז געווען אַ המשך פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק און אַ רעזולטאַט פון דער אַרבעט פון זײַנע טוערס און אַקטיוויסטן. היות אָבער דער נאַציאָנאַלער קאָמפּספּראָנט אין געטאָ ווערט זינט אָקטאָבער 1942 שטאַרק אויסגעברייטערט און

---

10) זי איז נאָך דער באַפרײַונג דערהרגעט געוואָרן דורך אַ נס״ז־באַנדע. אירע מעמואַרן האָט אָפּגעראַטעוועט אַ סאָוועטישער אָפיציר.

עס קומט אויף אַ נײַע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרעם פון אָט דעם אויסגעברייטערטן פראָנט, וואָס טראָגט דעם נאָמען — ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלן מיר דעם ווײַטערדיקן צײַטאָפּשניט אָנרופן אויפן נאָמען פון דער לעצטער, הגם די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ קינד, אַ המשך און אַן אויסברייטערונג פון דעם ערשטן אָרגאַניזאַטאָר פון די געטאָקאַמפן — פון דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, וואָס איז געווען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דער פאָלקסגוואַרדיע און איז אויפגעקומען און אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

.3

די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע

נאָך דער ערשטער גרויסער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ איז אין דער ייִדישער אונטערערד געמאַכט געוואָרן אַ גרינטלעכער חשבון־הנפש. דער פאַרראַט פון „יודענראַט" איז געבליבן שטיין אָפן פאַר אַלעמען אָדם נאַקעט. די ווײַט גרעסטע מערהייט פון די לעצט געבליבענע 60—70 טויזנט געטאָ־אײַנוווינערס האָבן איצט געזען אַן אויסוועג פון דער לאַגע: אַקטיווער און פּאַסיווער ווידערשטאַנד.

די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן אויפן מזרח־פראָנט און אין לאַנד האָט באַקרעפטיקט די דאָזיקע איינציק ריכטיקע אָפּשאַצונג.

אויפן מזרח־פראָנט האָט דער היטלעריסטישער בליצקריג באַנקראָטירט מיטן קנאַק. אַ דאַנק די געניאַלע סטראַטעגישע פּלענער פון יאָסיף סטאַלין, די פּלענער וועלכע האָבן זיך באַזירט אויף דער סאָציאַליסטישער סטראַטעגישער וויסנשאַפט, איז דער היטלעריסטישער פּלאַנירטער בליצקריג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לאַנג דויערנדיקער מלחמה, אין וועלכער עס האָט זיך איבערגעדרייט דאָס מזל: בעת די כוחות און די רעזערוון פון היטלער־דײַטשלאַנד האָבן גענומען אויסגיין, איז געשטיגן די קראַפט פון דער סאָוועטישער אַרמיי, וואָס איז אַריבער אין ברייט פאַרמאָסטענע אָפענסיווען און גענומען אויסבלוטיקן דעם קעגנער, טרײַבן אים צוריק און צעגראָמירן זײַנע חיילות, אָנווענדנדיק מיט דערפאָלג די באַרימטע טאַקטיק פון אַרײַננעמען אין זאַק אַרײַן און פון א"ג „סערפּ און האַמער" 1).

עס האָט זיך אָנגערוקט די גראַנדיעזע עפּאָפּיי פון סטאַלינגראַד.

די געשעענישן אויפן מזרח־פראָנט האָבן צוגעגעבן פּל דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און די אונטעריאָכטע לענדער פון אייראָפּע. אַ נײַע נשמה איז אַרײַן אין דער פראַנצויזישער, בעלגישער, איטאַליענישער, גריכישער א"אַ אונטערערדן. אַ שטאַרקער אויפשטײַג לאָזט זיך אויך באַמערקן בײַ די ווידערשטאַנד־עלעמענטן אין אָקופּירטן פּוילן.

דער טאָגבוך, וועלכן עס האָט געפירט דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק און אין וועלכן עס ווערן אָפּגעמערקט די קאָנפערענצן מיט די גובערנאַטאָרן און פּאָליציי־שעפן פון די דיסטריקטן, ווערט מרה־שחורהדיקער פון וואָך צו וואָך. די חודשלעכע באַריכטן פון וואַרשעווער דיסטריקטאַמט ווערן נאָך מער אומרויִק און באַזאָרגט.

די לינקע אונטערערדישע פּוילישע פּרעסע ווערט, פאַרקערט, האָפערדיקער. עס ווירקט שוין אַ פעסטע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג פון דער פאָלקסגוואַרדיע אין לובלינער, קראָקעווער, קעלצער און וואַרשעווער געגנט. עס ווערן אָנגעצונדן פײַערן פון קאַמף אויך אין די געביטן פון א"ג וואַרטע־לאַנד. די פאָלקסגוואַרדייִשע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג קאָאָרדינירט איר טעטיקייט מיט די רירעוודיקע אָטריאַדן פון די אַנטלאָפענע סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע צינדן אָן דעם פלאַם פון פּאַרטיזאַנישן קאַמף. עס קומען פאָר די ערשטע רעגולערע שלאַכטן. פּוילישע און סאָוועטישע פּאַרטיזאַנער פאַרכאַפּן גאַנצע שטעטלעך, צעקלאַפּן שטאַרקע זשאַנדאַרמישע פּאָסטנס און וואַרפן אָן אַ פּאַנישע מורא אויף די אומגעבעטענע נאַציִשע בעלי־הבתים. עס לויפן אין וואַלד אַרײַן ייִדן פון די שטעטלעך אין לובלינער און וואַרשעווער געגנט, עס רײַסן זיך אַרויס ייִדישע קריגס־געפאַנגענע, געוועזענע זעלנערס פון דער פּוילישער אַרמיי, פון לובלינער לאַגער און שאַפן ייִדישע פּאַרטיזאַנישע מחנות, אָרגאַנישע טיילן פון דער פאָלקסגוואַרדיע. די פּפּ"רישע פּרעסע מערקט אָפּ די ערשטע שלאַכט־נצחונות. עס קומט אויף אַ ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין קראָקאָווער געטאָ. אין טרעבלינקער טויטלאַגער שטעלן זיך אויף די ערשטע מוטיקע ייִדן צום אומגלײַכן קאַמף.

אין צענטער פון דער שטײַגנדיקער באַוועגונג שטייט וואַרשע.

נאָך אַ ריי קלענערע אַקטן פירט אַדורך די וואַרשעווער פאָלקסגוואַרדיע אין דער נאַכט פון 7טן אויפן 8טן אָקטאָבער אַ ריזיקן דיווערסיע־אַקט איבער די באַנליניעס הינטער וואַרשע. עס ווערט אויף אַ לענגערער צײַט פאַרשטאָפּט די טראַסע וואָס פירט צוגן מיט מיליטער, אַמוניציע און שפּײַז צום מזרח־פראָנט.

דער שונא ענטפערט מיט תליות, אויף וועלכע עס ווערן אויפגעהאָנגען 50 פּפּ"ר־מיטגלידער, צווישן זיי אַ ריי אַלטע אַקטיוויסטן פון סדקפּ"ל און קפּ"פּ.

אויף אָט דעם טעראָראַקט ענטפערט די פאָלקסגוואַרדיע מיט באָמבעס, וועלכע רײַסן אויף עטלעכע לאָקאַלן וווּ עס קומט זיך צונויף די היטלעריסטישע עליטע פון וואַרשע.

דער אָקופּאַנט מיינט אַז עס וועט אים געלינגען אָפּצושרעקן די ווידערשטענדלערס מיט אַ ריזיקער קאָנטריבוציע פון אַ מיליאָן זלאָטעס אויף דער ציווילער פּוילישער באַפעלקערונג.

די שרעקלאָזע פאָלקסגוואַרדייערס גיבן אויף דעם זייער אַן אָריגינעלן ענטפער. זיי קאָנפיסקירן מיט כוח און בליץ שנעל דעם 30טן נאָוועמבער אין דער קאָמונאַלער באַנקקאַסע טאַקע אַ מיליאָן זלאָטעס. 2)

דער אײַנדרוק פון די דאָזיקע אַקציעס איז געווען אַ געוואַלדיקער — סײַ בײַ דער פּוילישער באַפעלקערונג, סײַ אין געטאָ (עס ברענגט דעם רושם צום אויסדרוק דער כראָניקער אברהם לעווין).

אין אָט דער אַלגעמיינער אַטמאָספער פון שטײַגנדיקער אַקטיווער ווידערשטאַנד־באַוועגונג שטייט אויף צום לעבן די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

---

1) די טאַקטיק „סערפּ און האַמער" איז באַשטאַנען אין אַרומרינגלען דעם שונא ווי מיט אַ סערפּ און דערלאַנגען אים דערמאָלט אַ צעשמעטערנדיקן קלאַפּ ווי מיט אַ האַמער.

2) אין דער דאָזיקער בראַווורער אַקציע נעמט צוו"אַ אָנטייל אויך די ייִדישע קעמפערין ניוטע טײַטלבוים („וואַנדע").

די ייִדישע קאמפס־אָרגאניזאציע איז נישט געווען קיין לחלוטין נייַע דערשייַנונג אין געטאָ. ווי עס איז שוין אָנגעוויזן געוואָרן אינעם פריִערדיקן קאפּיטל, איז זי געווען א המשך און אן אויסברייטערונג פון אנטיפאשיסטישן בלאָק. די לעבן געבליבענע אקטיוויסטן פונעם בלאָק, נאָך דער גרויסער שחיטה און פארוויסטונג פון דער צייַט 22טער יולי—3טער אָקטאָבער, האָבן זיך קאָמוניקירט און אָנגעהאלטן א קעגנזייַטיקע פארבינדונג אין די טעג פון אומקום און מיט געמיינזאמען אָנשטרענג דערפירט צום שאָס פון ישראל קאנאל און צו די אנדערע ווידערשטאנד־אקטן. זיי האָבן עס געשאפן אין דער צווייטער העלפט אָקטאָבער די ייִדישע קאמפס־אָרגאניזאציע. מען מוז דעריבער אָפּווארפן די טענדענץ פון געוויסע מחברים און עדות, וועלכע ווילן איבעררייַסן די קייט וואָס ציט זיך פון אנטיפאשיסטישן בלאָק ביז דער ייִדישער קאמפס־אָרגאניזאציע (און פון דאנען צום אויפשטאנד).

די דאָזיקע קינסטלעכע קאָנצעפּציע, וואָס איז אויפגעקומען אין די נאָכמלחמה־יאָרן, איז אין אבסאָלוטער סתירה צו די פאקטן. כמעט אלע עדות גיבן איבער ווי אזוי, אין סאמע ברען פון דער פארטיליקונגס־אקציע, זענען צוריק אויפגעשטעלט געוואָרן די איבערגעריסענע קאָנטאקטן, ווי מען האָט פון אומשלאג־פּלאץ ארויסגעשלעפּט מענטשן און תיכף ביי נאכט מאָנטירט די אויסגעבלוטיקטע קעמערלעך. אין דער דאָזיקער נסיונותפולער צייַט האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער איבערמענטשלעכער ארבעט און אָרגאניזאציאָנעלע פעיִקייטן די פפ"ר־מיטגלידער אפרים (עדווארד) פאָנדאָמינסקי, מיכאל ראָזענפעלד, איגנאץ פייַל, רוזשקע ראָזענפעלד, שרה שאגעל, בנימין לייבגאָט און א סך אנדערע אקטיוויסטן. דאָס אָרט פון אומגעקומענעם לעווארטאָווסקי פארנעמט פאָנדאמינסקי, וועלכער ווערט אויסגעקליבן פארן סעקרעטאר פון געטאָ־קאָמיטעט פון פפ"ר. אויף שמיטס פּלאץ שטעלט זיך מיכאל ראָזענפעלד. דער געדאנק פון פאראייניקן אלע ווידערשטאנד־גרייטע כוחות באקומט אלץ מער בלוט און פלייש. אין די רייען פון „בונד" און „צוקונפט" קומט א טיפער קער אין דער ריכטונג פון דערנענטערן זיך צו דער טעטיקייטס־פּראָגראם פון אנטיפאשיסטישן בלאָק. די אָנפירונג גייט איבער אין די הענט פון די איינהייטספראָנטיקע און ווידערשטאנדעלעמענטן. אן ענלעכע אנטוויקלונג מאכט אויך אדורך די לינקציוניסטישע יוגנט. אזוי ארום קומט אין דעם צווייטן טייל אָקטאָבער צו שטאנד די ייִדישע קאמפס־אָרגאניזאציע — די אויסגעברייטערטע פאָרעם פון אנטיפאשיסטישן נאציאָנאלן קאמפספראָנט. עס איז שווער געננוי אָנצוגעבן די דאטע פון דער פאָרמעלער אנטשטייונג פון דער ייִדישער קאמפס־אָרגאניזאציע. לויט געוויסע עדי־ראיה דארף מען אָננעמען די דאטע פון 20טן אָקטאָבער. כמעט אלע עדות באמערקן אָבער אז שוין אין סעפּטעמבער האָט מען מאָנטירט און געבויט די ייִדישע קאמפס־אָרגאניזאציע.

די ייִדישע קאמפס־אָרגאניזאציע איז נישט געווען קיין סתם מעכאנישע פאראייניקונג. זי האָט זיך פאקטיש געשטעלט אויף דער אידעאָלאָגישער פּלאטפאָרמע פון אנטיפאשיסטישן בלאָק. זי איז געווען אן אנטיפאשיסטישע קאמפס־אָרגאניזאציע. זי האָט זיך געהאלטן פאר אן אָרגאנישן טייל פון דעם אנטיפאשיסטישן, פּאטריאָטישן לאגער פון אונטערערדישן פּוילן. דעם אנטיפאשיסטישן כאראקטער פון דער ייִדישער קאמפס־אָרגאניזאציע קאָן צווישן אנדערם אילוסטרירן איר באציִונג צו די ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישע באוואָפנטע גרופּעס, וואָס הייבן אָן זינט אָקטאָבער 1942 צו אנטשטיין אין געטאָ. נאָך לאנגע אונטערהאנדלונגען זענען די דאָזיקע גרופּעס נישט צוגעלאָזן געוואָרן אין דער ייִדישער קאמפס־אָרגאניזאציע, ווייַל עס זענען געווען ערנסטע חשדים וועגן זייערע קאָנטאקטן מיט עקסטרעם רעכטע אָפּן אנטיסעמיטישע און צעירשעט־אנטיסאָוועטישע פּוילישע אָרגאניזאציעס. 3) די ציוניסטיש־רעוויזיאָניסטישע פּרעסע אין געטאָ האָט באַרעכטיקט און געפּריידיקט — אין יענער צייַט פון היטלעריסטישע גירושים — די לאָזונגען פון יציאת אייראָפּע אָנשטאָט קאמף אויפן אָרט.

בנוגע דער פּאָזיציע פון דער ייִדישער קאמפס־אָרגאניזאציע אין באצוג צו דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן איז געננוג כאראקטעריסטיש דער אויפרוף פון „זשאָב" פון דער צייַט פון אויפשטאנד. דער דאָזיקער אויפרוף, וואָס איז געווענדט צו די פּוילישע מאסן, פארענדיקט זיך מיט די ווערטער: „דער קאמף גייט וועגן אייַער און אונדזער פרייַהייט, וועגן אייַער און אונדזער מענטשלעכער, סאָציאלער און נאציאָנאלער ווערדע און כבוד... זאָל לעבן די וואָפן־ און בלוט־ברודערשאפט פון קעמפנדיקן פּוילן. זאָל לעבן די פרייַהייט!" אין אָט די קורצע, פלאמיקע ווערטער קומט צום אויסדרוק די אידעיִשע פּלאטפאָרמע פון דער ייִדישער קאמפס־אָרגאניזאציע. לאָמיר דאָ ציִען די אויפמערקזאמקייט אויף די ווערטער „אייער און אונדזער מענטשלעכער, סאָציאלער און נאציאָנאלער ווערדע און כבוד". ווי מיר זעען, האָט די ייִדישע קאמפס־אָרגאניזאציע פארשטאנען די הארמאָנישע פארבינדונג צווישן דעם סאָציאלן און נאציאָנאלן באפרייַונגס־קאמף. און לאָמיר זיך דערביי נאָך א מאָל דערמאָנען, אז אויף אזא אופן האָט פאָרמולירט איר פּראָגראם בלויז איין פּארטיי פון אונטערערדישן פּוילן — די פּוילישע ארבעטער־פּארטיי.

די ייִדישע קאמפס־אָרגאניזאציע האָט זיך געהאלטן פאר א טייל פון דער פאָלקסגווארדיע. וועגן דעם זאָגט עדות דער וויכטיקער פאקט, וואָס דער שטאב פון „זשאָב" האָט זייַן אויפשטאנדפּלאן קאָאָרדינירט מיט דער אָנפירונג פון דער פאָלקסגווארדיע. דער דאָזיקער פאקט ווערט באשטעטיקט פון ביידע זייַטן, סיי מצד ייִדישע עדות, סיי מצד פּוילישע; און די פּוילישע פירערס פון דער פאָלקסגווארדיע און איר פּרעסע האָבן בפירוש באצייכנט די געטאָ־קעמפערס מיטן נאָמען פאָלקסגווארדיסטן. אויך אין אָט דעם פּרט ווערט קלאָר דער כאראקטער פון דער ייִדישער קאמפס־אָרגאניזאציע.

די ייִדישע קאמפס־אָרגאניזאציע איז אזוי ארום געווען א ווידערשטאנד־אָרגאניזאציע פון די ייִדן אין געטאָ, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאר א ציל צו קעמפן אויף טויט און לעבן קעגן פארהאסטן היטלעריסטישן אָקופּאנט פארן כבוד פון ייִדישן פאָלק, פאר סאָציאלער און נאציאָנאלער באפרייַונג, פאר דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן, פאר דער פרייַהייט פון דער מענטשהייט.

דאָס אלץ קומט צום אויסדרוק אין דעם פאקטישן אָרגאן פון דער פאראייניקטער ייִדישער קאמפס־אָרגאניזאציע — אין די „וויאדאָמאָשטשי" פונעם לעצטן ערב־אויפשטאנד־פּעריאָד. די „וויאדאָמאָשטשי" זענען ארויס אין פּויליש. עס זענען מסתמא געווען נאָך צייַטשריפטן פון „זשאָב". שפּורן פון אזעלכע צייַטשריפטן אין ייִדיש זענען געפונען געוואָרן אין צווייטן טייל פונעם רינגעלבלום־ארכיוו. די „וויאדאָמאָשטשי" דערקעגן זענען געפונען געוואָר אין אָט דעם פריש אויסגעגראָבענעם ארכיוו אין א גרעסערער צאָל. אין די דאָזיקע „וויאדאָמאָשטשי" קומט צום אויסדרוק די אָריענטאציע פון דער ייִדישער קאמפס־אָרגאניזאציע אויפן ראטן־פארבאנד, די אינערלעכע פארבינדונג אירע מיט דער אנטיפא־

---

3) עס געפינט זיך אין „ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט" א גבית עדות פון אן אָנגעזעענעם רעכטן אי"ק־טוער, צו וועלכן די פאָרשטייער פון די רעוויזיאָניסטישע גרופּעס האָבן זיך אין יענער צייַט געמאָלדן און זיך פאררופן אויף די ידידי־באציִונגען זשאבאָטינסקי־בעק.

שיסטישער פאַטריאָטישער פוילישער אונטערערד, דער באַוווסטזייַן פונעם קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייַונג און די פעסטע אַנטשלאָסנקייט צו גיין אויפן איינציקן וועג, אויפן וועג פון אַקטיוון ווידערשטאַנד.

דאָס אַלץ הייסט בשום אופן נישט אַז אין די ראַמען פון דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע זענען פאַרטושט געוואָרן די אידעאָלאָגישע ווידעראַנאַנדן צווישן די באַזונדערע גרופּעס. די פּפּ״ר־אָרגאַניזאַציע האָט די גאַנצע צייַט געפירט אַ זעלבשטענדיקע פּאַרטייִשע טעטיקייט. אַזוי, למשל, ווערט דערציילט אין די זכרונות פון איינעם פון די לעבן געבליבענע עדי־ראיה אַז שוין בעתן אויפשטאַנד גופא זענען אין דעם בונקער פון שטאַב פון „זשאָב" אויף מילע 18 געפירט געוואָרן הייסע דיסקוסיעס וועגן יִדיש־העברעיִש. אַלעקסאַנדער, דער פּפּ״ר־פאָרשטייער, האָט פּאַרטיידיקט יִדיש. מען האָט אין אַנדערע פאַלן אַרומגערעדט די פאָרמען פון קומענדיקן באַפרייַטן פוילן, די יִדישע פּראָבלעם, די באַציִונג צום דייַטשן פאָלק נאָכן זיג. און אַזוי גיט איבער אַ צווייטער עדות אַז די לינקע זענען געשטאַנען אויפן שטאַנדפּונקט אַז מען דאַרף מאַכן אַן אונטערשייד צווישן די היטלעריסטישע און מיט היטלעריזם אָנגעשטעקטע עלעמענטן, ווי גרויס זיי זאָלן נישט זייַן, און דעם פּשוטן דייַטשן מענטש.

אָבער די אַלע זאַכן, וואָס האָבן צעטיילט, האָבן נישט פאַרשטעלט דעם הויפּטציל: די איינִיקייט אין קאַמף, דאָס געבאָט פון דער שעה, ד״ה — דעם ציל, דעם ווידערשטאַנד, דאָס וואָס האָט געקאָנט און געדאַרפט פאַראייניקן. אין די ראַמען פון דער אָנפירונג פון דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט זיך געפילט — שטעלט פעסט אַן עד־ראיה — אַ שטאַרקערע דערנענטערונג צווישן דעם קאָמוניסט ראָזענפעלד, דעם לינקן שומר אַניעלעוויטש און די לינקע סאָציאַליסטן בלום און בערלינסקי. די אָקערשט אויסגערעכנטע, און בעיקר ראָזענפעלד, זענען געווען מער דעצידירט, מער שאַרף, און דאָס — דער עדות — האָט זיך געלאָזט באַמערקן.

די יִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט זיך געווידמעט נישט בלויז דער פראַגע פון אַרייַנציִען און דערציִען נייַע קאַמפּקאַדרען, נישט בלויז דעם שווערן ענין פון באַוואָפענונג, פון קאָנטאַקט וכדומה, נאָר זיך אויך פאַרנומען מיט איבערציִען די געטאָ־מאַסע מיט אויסשפּרייטן שוץ איבער פאַרוואָרלאָזטע, פאַריתומטע קינדער און מיט קולטור־פּראָבלעמען. אַזוי האָט למשל די יִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע באַקעמפט די קאָנצעפּציע פון קונסט ווי אַ פאַרווייַלונגס־מיטל. אין די באַדינגונגען פון געטאָ, נאָך דעם געוואַלדיקן בלוט־אָפּפלוס פון זומער־האַרבסט 1942, איז קונסט ווי אַ פאַרווייַלונג געוואָרן שוין נישט בלויז פאַרפירעריש און שעדלעך, נאָר אפילו פאַרברעכעריש און פאַררעטעריש. אויך דער קולטור־טוער שמואל ווינטער ברענגט די קעגנערשאַפט צו קונסט ווי אַ פאַרווייַלונגס־מיטל זייער בולט צום אויסדרוק אין זייַנע טאָגנאָטיצן. די יִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז אַזוי אַרום דערשינען ווי אַ דינאַמישער נאַציאָנאַלער כוח, וואָס זאָרגט פאַר דער נשמה פונעם פאָלק, פאַר דער ריינקייט און גזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער פון זייַן קולטור און קונסט.

אין שפּיץ פון דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע זענען געשטאַנען צוויי קערפּערשאַפטן: אַ פּאָליטישע און אַ מיליטערישע. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ קאָאָרדיניר־קאָמיסיע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט די פּאָליטישע איינִיקייט־פראַגעס. די פּפּ״ר איז דאָ געווען פאַרטראָטן דורך איר אַקטיוון חבר אפרים פאָנדאַמינסקי. די פינאַנצן האָט געפירט יוחנן מאָרגנשטערן. די אָנפירנדיקע מיליטערישע קערפּערשאַפט איז געווען דער שטאַב פון „זשאָב", אין וועלכן די פּפּ״ר איז געווען רעפּרעזענטירט דורך מיכאל ראָזענפעלד. פאַרן קאָמענדאַנט פונעם שטאַב איז אויסגעוויילט געוואָרן מרדכי אַניעלעוויטש, נאָכן אַרעסט פון שמידטן, איינער פון די קאָמאַנדירן וואָס איז דערצויגן געוואָרן אינעם פּעריאָד פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק.

די אַנטשטייונג און די טעטיקייט פון דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט רעוואָלוציאָניזירט די אַטמאָספער אין געטאָ.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פיבערדיקע צוגרייטונג פון שלאַכט־קאַדרען. טאָג און נאַכט האָט מען געשולט די יוגנט צום קאַמף. אין דער טיפער געטאָ־אונטערערד האָט מען פּראָדוצירט פּרימיטיווע געווער און מאַגאַניזירט אַרייַנגעשמוגלטע וואָפנטיילן.

אויף יענער זייַט מויער האָט דער „זשאָב" געהאַט איבערגעגעבענע פרייַנד — די פּפּ״ר, די פאָלקסגוואַרדיע, אַ ריי לינקע סאָציאַליסטן און דעמאָקראַטן (די לעצטע זענען געווען אָרגאַניזירט אינעם „ראַט צו העלפן יִדן", אָדער, ווי ער האָט זיך מחמת קאָנספּיראַציע אָנגערופן, „זשעגאָטאַ"). נאָכן ערשטן רעוואָלווער, וועלכן דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון פּפּ״ר האָט אַרייַנגעשיקט אין געטאָ אין טראַגישן חודש אויגוסט, האָט די פּפּ״ר אין גיכן איבערגעגעבן אַ גרעסערן טראַנספּאָרט גראַנאַטן, און פון דעמאָלט אָן איז די דאָזיקע אַקציע קאָנטינויִרט געוואָרן דורך פאַרשידענע וועגן. די נעמען פון די טרייַע געווער־פאַרזאָרגערס, פון די פּוילישע פּאַטריאָטן, די קאָוואַלסקיס, בוטשינסקיס, סאַוויצקיס, פון דעם דייַטשן אַנטיפאַשיסט וואַלטער, וועלכע האָבן אין יענעם פּעריאָד מיט מסירת נפש פאַרזאָרגט די יִדישע קעמפערס מיט געווער, וועלן אייביק דערמאָנט ווערן מיט דאַנקבאַרקט דורך די וואָס האַלטן הויך און טייַער דעם אָנדענק פון דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. פּונקט אַזוי דאַרף מען דערמאָנען מיט אַ באַזונדערער אָנערקענונג די פון דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן זיך מיט דעם דאָזיקן ענין ספּעציעל פאַרנומען, די וואָס האָבן פּראָדוצירט אין געטאָ גופא די פּרימיטיווע גראַנאַטן־ און אָנצינד־פלעשער, וועגן וועלכע עס רעדט מיט אַזאַ האַס דער עס־עס־גענעראַל סטראָאָפּ, — די אומפאַרגעסלעכע יִדישע קעמפערס משה יאַגאָדזשינסקי, מיכאל קלעפּפיש, יצחק סוקעניק און אַ סך אַנדערע.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען קנאַפּ, טראַגיש ווייניק. און דעריבער האָבן די פירערס פון דער באַוועגונג נישט געקאָנט זיך אָפּזאָגן פון סאַמע פּרימיטיווסטן געווער — פון העק, האַקמעסערס, שטאַנגען וכדומה. אין די „זשאָב"־דאָקומענטן פון יענער צייַט רעדט זיך טאַקע קודם כל וועגן דעם מין געווער. טראַגיש, אָבער אַזוי איז עס געווען. וואָרעם די וואָס האָבן פאַרמאָגט די רייַכסטע אַרסענאַלן, די זוו״ז (א״ק), האָבן אויך אין אָקטאָבער, ווען געוויסע יִדישע פאַרבינדלערס האָבן גענומען דורך צופעליקע קאָנטאַקטן פאַרלאַנגען הילף אין דער פאָרעם פון כלי־זיין, קאַלט און אַנטשלאָסן אָפּגעזאָגט.

און נישט געקוקט אויף דעם, נישט געקוקט אויף דער געוואַלדיק אָרעמער באַוואָפענונג, האָט די יִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אָנגענומען אַ געוואַגטן באַשלוס: אַרויסטרעטן און די ערשטע אַטאַקירן די באַוואָפנטע כוחות פונעם אָקופּאַנט.

לאָמיר דאָ גלייַכשטעלן נאָך איין טעות, וואָס האָט זיך גאַנץ ברייט אייַנגעבירגערט. דער ערשטער אָפענער און באַוואָפנטער אַרויסטריט פון דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, דער קאַמף פון יאַנואַר 1943, איז נישט געווען פאַרטראַכט דורך דעם שטאַב

פון „זשאָב" ווי אַ זעלבשוץ. ווי עס דרינגט אַרויס פון נײַע דאָקומענטן, וועגן וועלכע עס וועט באַלד זײַן אַ רייד, האָט זיך די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע געגרייט די ערשטע אַרויסצוטרעטן, נאָר דער שונא האָט, אַזוי צו זאָגן, אויסגעכאַפּט די איניציאַטיוו.

לאָמיר עס אַרומרעדן גענויער.

די קאַמף־געשעענישן אין וואַרשעווער געטאָ אין יאַנואַר 1943 זענען אַרויסגעשוווּמען אויף דער אַלגעמיינער, שטאַרק שלאָגנדיקער כוואַליע פון אַקטיוון ווידערשטאַנד, וואָס האָט אַ פעסטן שטײַג געטאָן טאַקע אין יאַנואַר 1943 אין לאַנד בכלל און אין וואַרשע בפרט.

דער דאָזיקער אויפגעשטיגענער אַקטיווער ווידערשטאַנד האָט געהאַט צוויי מאָטאָרן: פון איין זײַט האָבן סטימולירט צום קאַמף די ידיעות פון מזרח־פראָנט; פון דער צווייטער — דער אומגעהײַער פאַרשטאַרקטער טעראָר פונעם אָקופּאַנט ובפרט די געשעענישן אין זאַמאָשטשער געגנט, ווו די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן אויסצוזידלען די אָרטיקע פּוילישע באַפעלקערונג, אָנווענדנדיק ענלעכע מעטאָדן ווי בעת די גירושים פון די געטאָס; איינצײַטיק זענען די פּוילישע וווינראַיאָנען אין וואַרשע אַרומגענומען געוואָרן דורך אומאויפהערלעכע גאַסן־כאַפּערײַען און מאַסן־אַרעסטן.

די פפ"ר און די פאָלקסגוואַרדיע רופן די זאַמאָשטשער פויערים צו ווידערשטאַנד און זעלבשוץ. געוויסע טיילן פון די אַ"ג פויערישע באַטאַליאָנען רײַסן זיך אַרויס פון אונטער דער דיסציפּלין פון זוו"ז (אַ"ק) און טרעטן אַרויס אין שוץ פון די באַדראָטע הונדערטער טויזנטער פשוטע מענטשן. זיי ווילן נישט הערן דעם אײַנשטילנדיקן אַפּעל פון דעם רעכטן לידער פון דער פויערים־פּאַרטיי סטאַניסלאַוו מיקאָלײַטשיק, וועלכער פאָדערט אויף דורך דעם לאָנדאָנער ראַדיאָ די פויערים־מאַסן אין לאַנד נישט צו רעאַגירן אויפן טעראָר פון אָקופּאַנט, „זיך נישט לאָזן פּראָוואָצירן".

די דעלעגאַטור וואַרפט אָפּ די ווענדונג פון דער אָנפירונג פון פפ"ר צוצוטרעטן צום נאַציאָנאַלן קאַמפּספראָנט קעגן בלוטיקן אָקופּאַנט. די דעלעגאַטור ענטפערט מיט זלזולים און מסירות; אירע טראַנסמיסיעס צו דער גראַנאַטאָווער פּאָליציי און צו דער געסטאַפּאָ, די פאַרשידענע „סטאַרטן" גיבן אויס די פּאַטריאָטישע עלעמענטן און העלפן אַזוי אַרום דעם אָקופּאַנט.

די סאַנאַטאָרישע פּרעסע שלאָגט אין אַ טאָן פון וואָרענונג: „ווער עס זייט ווינט, דער שנײַדט שטורעם" (פּראַוודאַ", אָרגאַן פון די סאַנאַציע־עלעמענטן, אַפּריל 1943).

און די ענדעקישע פּרעסע פאַרלאַנגט איבערצורײַסן מיט די אויפשטאַנד־טראַדיציעס פון פּוילישן פאָלק: „דער חודש יאַנואַר פון 1943 וועט בשום אופן נישט דערמאָנען דעם יאַנואַר פון 1863" („וואַרשאַווסקי דזשענניק נאַראָדאָווי" פון 9טן יאַנואַר 1943).

די פפ"ר נעמט אויף זיך די גאַנצע לאַסט פון אָרגאַניזירן די ווידערשטאַנד־באַוועגונג. דער פירער פון דער פּאַרטיי באָלעסלאַוו ביערוט שטעלט זיך אין שפּיץ פון דער סאַמע וויכטיקסטער און ברענענדיקסטער אַרבעט — צו בויען דעם נאַציאָנאַלן פראָנט אין קאַמף מיטן היטלעריסטישן אָקופּאַנט. דער חודש יאַנואַר 1943 איז אַרײַן אין דער געשיכטע פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע אין פּוילן נישט בלויז ווי אַ צײַט פון צעהוליעטן טעראָר, נאָר אויך ווי אַ חודש פון אויפגעשטיגענעם אַקטיוון ווידערשטאַנד. פון אַלע עקן לאַנד קומען אָן דערמוטיקנדיקע גרוסן — אין וואַרשעווער געגנט ,אין לובלינער געגנט, אין גאַרוואָלינער, לוקאָווער, ביאַלע־פּאָדלאַסקער, נאָווי־טאַרגער, פּויזנער, קעלצער געגנט ברעכן אויס קלענערע און גרעסערע קאַמפן.

ווי תמיד, האָט זיך אויך איצט אין דער פאָדערשטער ריי אַרויסגערוקט וואַרשע מיט דעם העלדישן וואַרינסקי־אַפּטייל פון דער פאָלקסגוואַרדיע בראש. די ראַפּאָרטן פון דעם וואַרשעווער דיסטריקטאַמט צו דער אָקופּאַנטישער „רעגירונג" אין קראָקע זענען שוין אַצינד נישט סתם באַאומרויִקט; זיי שטעלן מיט זיך פאָר איין לאַנגן אויסגעשריי פון דער פאַרוווּנדעטער פאַשיסטישער חיה, וועלכע באַקומט וואָס אַ מאָל אַלץ מער ביטערע קלעפּ: „די סאַבאָטאַזש־אַקטן און די טעטיקייט פון די אַקטיוויסטישע גרופּעס פון דער פּוילישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָבן זיך באַדײַטנדיק פאַרשטאַרקט, בפרט מערן זיך אָנפאַלן אויף דײַטשן: דערשאָסן אַן אָפיציר פון לופט־וואַפע, דערשטאָכן אַ זעלנער אין מאָקאָטאָוו; דערהרגעט אַן אינסטרוקטאָר פון דער מלוכה־באַן אין זײַן אייגענער דירה ;דערהרגעט אַן איבערזעצער פון דער זיכערקייט־דינסט; דערשאָסן דעם מיטגליד פון דעם הויפּטאַמט פאַר פּראָפּאַגאַנדע — בריק; אַן אָנפאַל אויף צוויי באַאַמטע פון וואַרשעווער דיסטריקט — צימערמאַן און ווענדעל; דערשאָסן דרײַ דײַטשע זעלנערס. דאָס אַלץ דערווײַזט אַז די טעראָראַקטן שטײַגן..." און ווײַטער לייענען מיר אינעם ראַפּאָרט: „דער אָנפאַל אויף דער קאַסע פון דער קראַנקן־קאַסע; דאָס אַרײַנוואַרפן אויפרײַס־מאַטעריאַלן אויפן אַרבעטאַמט אין וואַרשע; דאָס אַרײַנשטעלן טײַוול־מאַשינען אויפן הויפּטוואָקזאַל און אין אַלע דײַטשע קינאָזאַלן..." און דאָס אַלץ איז געשען אין וואַרשע אין משך פון אַ קנאַפּן חודש, אין משך פון די ערשטע דרײַ וואָכן פון יאַנואַר. דער מחבר פון דעם ראַפּאָרט, פישערס רעכטע האַנט, ד"ר הומעל, מאַכט די ווײַטערדיקע אויספירן: „עס איז שוין צו פיל קלאָר אַז דאָס איז אַן אַרבעט פון די יעניקע פּוילישע אַקטיוויסטן, וועלכע ווערן הויפּטזאַכלעך אונטערגעשטיצט דורכן ראָטן־פאַרבאַנד... צוליב די געשעענישן אין זאַמאָשטשער געגנט רעדט אײַן די אונטערערדישע באַוועגונג דער באַפעלקערונג אַז מיט די פּאָליאַקן וועט געשען דאָס זעלבע וואָס מיט די ייִדן". די אָקופּאַנטישע מאַכטאָרגאַנען אין וואַרשע זענען געוואָרן אַזוי דערשראָקן פון די ווידערשטאַנד־אַקטן, אַז ד"ר הומעל פאַרענדיקט דעם ראַפּאָרט אָט מיט דער ביטע: „מיר בעטן דעריבער אָפּצושטעלן די ווײַטערדיקע אויסזידלונגען (פון זאַמאָשטשער געגנט — ב. מ.) ביזן זיגרײַשן פאַרענדיקן די מלחמה. אויך די כאַפּערײַען אין וואַרשע דאַרף מען פריִער אַרומרעדן מיט די מלוכישע מאַכטאַמטן; די זיכערקייט־סיטואַציע (פאַר די דײַטשן — ב. מ.) איז אויסערגעוויינלעך געשפּאַנט, אַזוי אַז די ווײַטערדיקע פּאָליטישע אַנטוויקלונג מוז ווערן אָבסערווירט מיט דער גרעסטער זאָרגעוודיקייט".

די מוטיקע שטעלונג פון די פּאַטריאָטן האָט, ווי מיר זעען, טיילווײַז פאַרהאַמעוועט די צעבושעוועטע טעראָר־כוואַליע פונעם אָקופּאַנט.

צו די מוטיקסטע ווידערשטאַנד־אַקטן פון דער פאָלקסגוואַרדיע אין וואַרשע דאַרף מען פאַררעכענען די אַקציע וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 17טן יאַנואַר 6 אַ זייגער פאַר נאַכט, ווען איינצײַטיק, ווי אויף אַ באַפעל, האָבן אין אַ ריי קינאָזאַלן „נור פיר דויטשע" און אין דעם אָפיצירן־רעסטאָראַן אויפן הויפּטוואָקזאַל אויפגעריסן גראַנאַטן און צענדליקער היטלעריסטן האָבן באַצאָלט מיט זייער נבזהדיקן לעבן. דאָס איז געווען, ווי געזאָגט, דעם 17טן יאַנואַר. אויף צו מאָרגנס, דעם 18טן, האָט זיך אַ שיסערײַ־געקנאַל

דערהערט פון געטאָ. עס האָט גענומען אַ וואָרט די ייִדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע.

אָבער איידער מיר וועלן איבערגיין צום ערשטן באַוואָפנטן אַרויסטריט פון דער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, מוזן מיר זיך אויף אַ רגע אומקערן צו די ערשטע טעג פון יאַנואַר. אָפשאַצנדיק שוין תחילת 1943 די געפאַר פון אַ פאַרגרעסערטער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פוילן, האָט הימלער דעם 11טן יאַנואַר פונאַנדערגעשיקט אַן אינסטרוקציע צו פאַרשאַרפן דעם קאַמף מיטן „באַנדיטיזם", אויסצוראָטן קודם כל די פראָלעטאַרישע עלעמענטן פון פוילישן פאָלק. דעמאָלט איז אויך געפאַלן דער ענדגילטיקער באַשלוס פון דעם „רײַכספירער פון עס־עס" צו ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ ביזן סוף, ווי אַ געביט פון כסדרדיקער ווידערשטאַנד־יוירונג. די ענדגילטיקע פאַרניכטונג פון וואַרשעווער געטאָ איז, ווי מיר זעען, געווען אַ רעזולטאַט פון צוויי זאַכן: פון דער אַלגעמיינער פאָליטיק צו עוקר מן השורש זײַן די ייִדן און פון דער געפאַר פון דעם וואַקסנדיקן ווידערשטאַנד. נישט געקוקט אויף די באַמיִונגען פון דער מיליטערישער אינטענדאַנטור איבערצולאָזן דערווײַל אַ טייל ייִדישע פאַכמענער, האָט די דײַטשע זיכערקייט־מאַכט פון דעסט וועגן געשטעלט העכער די סכנה וואָס שטעקט אין דער עקסיסטענץ פון געטאָ פאַר דער געפאַרלאָזיקייט פון דעם אָקופאַנט. און כדי צוצואײַלן דעם ליקווידיר־פראָצעס, האָט זיך הימלער אַליין מטריח געווען אַרײַנצופאָרן אין וואַרשעווער געטאָ דעם 9טן יאַנואַר. נאָך דעם וויזיט איז געפאַלן דער ענדגילטיקער טויטאורטייל.

אָבער יאַנואַר 1943 איז שוין נישט געווען דאָס זעלביקע וואָס יולי 1942. עס האָט זיך געענדערט די סיטואַציע אויפן מיזרח־פראָנט, עס האָט באַקומען אַן אַנדער אויסזען די פוילישע אונטערערד און אַן ענדערונג איז אויך ממילא געקומען אין געטאָ. „די ייִדישע באַפעלקערונג וועקט זיך אויף פון לעטאַרג" — אַזוי האָט כאַראַקטעריזירט די געענדערטע שטימונגען אין וואַרשעווער געטאָ דער אָרגאַן פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון פפ"ר „גלאָס וואַרשאַווי" (וואַרשעווער שטים) אינעם נומער פון 1טן יאַנואַר 1943. די ייִדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, זײַענדיק גאַנץ גענוי אינפאָרמירט וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין די פוילישע ראַיאָנען פון דער שטאָט און פאַרשטייענדיק דעם ציל פון הימלערס אומהיימלעכן באַזוך, האָט באַשלאָסן נישט צו וואַרטן ביז דער שונא וועט אַטאַקירן, נאָר אַליין אַרויסצוגיין אין אָנגריף. די ערשטע אַרויסטרעטונג איז געוואָרן באַשטימט אויפן 22טן יאַנואַר — אינעם אָנדענקטאָג נאָך אַ האַלב יאָר זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ (22טער יולי). אין שייכות דערמיט האָט די ייִדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אַרויסגעלאָזט בײַ צײַטנס אַן אויפרוף צו דער באַפעלקערונג, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „דעם 22טן יאַנואַר 1943 ווערט זעקס חדשים זינט דעם אָנהייב פון דער אויסזידלונג אין וואַרשע." דער דאָזיקער אויפרוף איז געפונען געוואָרן אינעם צווייטן טייל פון אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו. דער אויפרוף (ער איז געשריבן אין ייִדיש) דעמאַסקירט די טאַקטיק פונעם אָקופאַנט און די פאַררעטערישע ראָלע פון דער ייִדישער פאָליציי און פון אַנדערע קאָלאַבאָראַציאָניסטישע עלעמענטן. אינעם אויפרוף זאָגט זיך בפירוש: „ייִדישע פאָלקסמאַסן, די שעה דערנענטערט זיך. איר מוזט זײַן גרייט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד!" דעם אויסדרוק „די שעה דערנענטערט זיך" קאָן מען אויסטײַטשן אין אַ צווייִקן זין: עס רוקט זיך אָן די שעה פון דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע, און — עס קומט אָן דער מאָמענט פון באַוואָפנטן אַרויסטריט. מען דאַרף עס, לויט אונדזער מיינונג, פאַרשטיין אין בײַדע זינען. איינס בינדט זיך מיטן צווייטן.

אַלן פאַלס איז קלאָר אַז דער דאָזיקער אויפרוף איז געשריבן (און געוויס אויך פונאַנדערגעטיילט אָדער פונאַנדערגעקלעפט געוואָרן) פאַר די געשעענישן פון 19טן יאַנואַר, ד"ה פאַרן נײַעם איבערפאַל פון די עס־עס־לײַט אויפן געטאָ. צו דעם זעלביקן פעריאָד פון פאַרן 18טן יאַנואַר דאַרף מען פאַררעכענען אַ צווייטן אויפרוף פון די ייִדישע קעמפערס — געשריבן אין פויליש — וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „גרייט זיך צו מעשים! זײַט וואַך! מיר שטייען אויף צום קאַמף!" מיר ווייסן נישט אויף זיכער צי די זעלביקע האַנט האָט געשריבן ביידע אויפרופן. פאַרקערט, די אונטערשידן אינעם סטיל פון די צוויי דאָקומענטן רוקן אַרויס די השערה אַז די מחברים שטאַמען פון צוויי באַזונדערע קרײַזן. דער ערשטער אויפרוף צייכנט זיך אויס מיט זײַן קאָנקרעטקייט, זײַנע אויטאָרן האָבן געוויס געהערט צום פראָלעטאַרישן קערן פון דער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. דער צווייטער דאָקומענט איז געשריבן אין אַן אַנדער סטיל, אין אַ מער פײַערלעכן און פאַטעטישן. אָבער, ווי עס איז שוין אָנגעמערקט געוואָרן, איז די ייִדישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג באַשטאַנען פון פאַרשידענע עלעמענטן, און די מחברים האָבן נישט געמוזט זײַן תמיד די זעלביקע. ווי עס זאָל נישט זײַן, דאַרף מען פעסטשטעלן אַז ביידע דאָקומענטן געהערן צום פעריאָד פון פאַרן 18טן יאַנואַר, אַז ביידע אויפרופן וועקן צום אַקטיוון קאַמף און אַז אַזוי אַרום האָבן זיך די געטאָ־קעמפערס געגרייט צו אַן אַנטשלאָסענעם אַרויסטריט.

אָבער דער שונא האָט פאַרכאַפט די איניציאַטיוו. דער באַפעל פון הימלערן איז געווען אַ דרינגענדיקער, און עס איז אויך נישט אויסגעלאָשן אַז די שטורמישע געשעענישן אויף די „אַרישע" גאַסן פון 17טן יאַנואַר האָבן אַ שטויס געטאָן דעם עס־עס־ און פאָליציי־פירער פון וואַרשעווער דיסטריקט ד"ר פערדינאַנד זאַמערן־פראַנקענעג צוצואײַלן די אַקציע קעגן ברויזנדיקן געטאָ און אַרויסטרעטן באַלד אויף צו מאָרגנס, דעם 18טן יאַנואַר, כדי נישט צולאָזן צו גלײַכצײַטיקע קאַמפאַקטן אויף ביידע זײַטן — מחוץ און אינעווייניק פון די געטאָ־מויערן.

אָבער הימלערס און זאַמערנס פלענער לגבי דעם געטאָ האָבן זיך אָנגעטראָפן אויפן האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד פון די ייִדישע קעמפערס, שוין גאָרנישט מעשה יולי 1942.

דער שונא האָט אַרײַנגעפירט אין געטאָ, ווי עס דרינגט אַרויס פון דער פוילישער אונטערערדישער פרעסע, 1000 מאַן באַוואָפנטע ביז איבער די ציין: 200 דײַטשע זשאַנדאַרן און עס־עס־לײַט און 800 פון די פאַשיסטישע פאָרמאַציעס פון פאַררעטערס מכל המינים, און חוץ דעם — פאַרשטאַרקונגען פון דער פוילישער פאָליציי. מיט דער אַקציע האָט אָנגעפירט זאַמערן אַליין, עס האָט אים אַסיסטירט אַ „חשובער גאַסט", דער שעף פון טרעבלינקער טויטלאַגער עס־עס־הויפטשטורמפירער טעאָדאָר פאָן אויפען־מאַלמעדי, אַן אַריסטאָקראַט, אַ היטלעריסטישער „שריפטשטעלער" און אַ תלין אין איין פערזאָן; ער איז וואָרשײַנלעך געקומען אָפנעמען די „סחורה" קיין טרעבלינקע.

קעגן די אַרײַנדרינגענדיקע באַוואָפנטע כוחות פונעם שונא האָט די ייִדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע געקאָנט אַרויסשטעלן אירע 50 גרופעס — אַזוי פיל האָט דער „זשאָב" דעמאָלט פאַרמאָגט, ווי עס שטעלט פעסט אַ גוט אינפאָרמירטער עד־ראיה. מיר שטרײַכן אונטער: געקאָנט. אָבער צום באַדויערן האָט דער שטאַב פון דער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע זיך — ווי עס ווײַזט אויס, — געגרייט

אויפן 22טן, און אין דעם מאָמענט ווען דער שונא האָט פּלוצעם אַטאַקירט, זענען די ייִדישע ווידערשטאַנד־כוחות נישט געווען קאָשאַרירט און דעריבער זענען זיי נישט אַלע געוואָרן אַרײַנגעפירט אין אַ גענוגנדיקן אופן אין קאַמף.

און פון דעסט וועגן איז דער ווידערשטאַנד געווען אַ גענוג העפטיקער, און דער שונא האָט זיך אויף אַזאַ אַנטשלאָסנקייט, אפנים, נישט געריכט.

דער שטאַב פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אויף שנעל אַרויסגעלאָזט אַ פלוגבלאַט (געפונען געוואָרן אינעם צווייטן טייל פון רינגעלבלום־אַרכיוו): „נעמט אין האַנט אַרײַן אַ האַק, אַ שטאַנג, אַ מעסער, פאַרבאַריקאַדירט אײַער הויז... קעמפט!" — אָט איז דער לייטמאָטיוו פון דעם דאָזיקן קורצן, בחפזונדיקן אויפרוף.

די געטאָ־מאַסע האָט שוין איצט נישט געהערט דעם שונא, דעם יודענראַט און די שאָפּ־דירעקטאָרן; די געטאָ־מאַסע האָט איצט געהערט נאָר דעם „זשאָב". דער איבערוועגנדיקסטער טייל האָט זיך פאַרשטעקט אין באַהעלטענישן און לעכער. פרײַוויליק האָבן זיך געשטעלט נאָר יחידים. דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד האָט אַרומגענומען כמעט אַלעמען.

דעם סיגנאַל צום אַקטיוון ווידערשטאַנד האָבן געגעבן די אַרבעטער פון דער סטאָליער־פירמע „אָסט־דויטשע באַושטעללע" אויף גענשע־גאַס. דעם ערשטן גראַנאַט האָט דאָ געוואָרפן די יונגע קעמפערין מרגלית לאַנדאַו.

די צווייטע שלאַכט האָט זיך פאַרקניפּט אויף זאַמענהאָף־גאַס. מיט דער קעמפנדיקער גרופּע האָט דאָ אָנגעפירט מרדכי אַניעלעוויטש, וועלכער האָט פערזענלעך געוויזן אַ בײַשפּיל פון מוטיקייט, שלײַדערנדיק אין די עס־עס־לײַט צוויי גראַנאַטן און אַרויסרײַסנדיק בײַ אַ דריטן די ביקס. לײַדער זענען די כוחות נישט געווען קיין גלײַכע. די באַוואָפענונג פון די ייִדן איז דאָ געווען אַן אָרעמע. זי איז באַשטאַנען פון 5 רעוואָלווערן, 5 גראַנאַטן, אויפרײַספּלעשער, שטאַנגען און שטעקנס. אין אומגלײַכן פאַרמעסט איז געפאַלן די בלום פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. און דאָך איז אויף די דײַטשן אָנגעפאַלן אַ פחד. זייערע געשרייען „די ייִדן שיסן!" האָבן אָנגעפילט די אייגענע רייען מיט פּאַניק. אַ סך געכאַפּטע ייִדן האָבן עס אויסגענוצט און זענען זיך צעלאָפן.

די דריטע שלאַכט איז פאָרגעקומען אויף ראָג מילע און ניסקע, וווּ די ייִדישע קעמפערס האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין אַ הויז. ווען די היטלער־לײַט, אויסנוצנדיק זייער איבערגעוויכט אין מענטשן און אין געווער, האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין דעם הויז, האָבן די ייִדן באַגאָסן די טרעפּ מיט נאַפט און אונטערגעצונדן. די ייִדישע קאַמפּסגרופּע האָט זיך דאָ פאַרטיידיקט ביז דער לעצטער קויל. מיט אַ העלדנטויט איז געפאַלן איינער פון די מוטיקסטע קעמפערס, אליהו רוזשאַנסקי.

ווײַטערדיקע שלאַכטן האָבן אויפגעפלאַקערט אין אַ ריי קעלערס און בונקערס אויף די גאַסן זאַמענהאָף, מילע, מוראַנאָווסקע, פראַנצישקאַנער. די קעמפערס, וועלכע זענען אויך דאָ געווען זייער שוואַך באַוואָפנט, האָבן מיט דערפאָלג אָנגעווענדט די א"ג פאַרטיזאַנישע טאַקטיק. זי איז באַשטאַנען אָט אין וואָס: מען לאָזט אַרײַן די פאַשיסטישע כאַפּערס, איין גרופּע קעמפערס בלײַבט פון הינטן, און מען נעמט דעם שונא אין צוויי פײַערן. אויף דעם געביט האָט זיך אויסגעצייכנט איינער פון די „זשאָב"־קאָמאַנדירן, זכריה אַרטשטיין. נאָכן ליקווידירן דעם שונא האָבן זיך די פאַרטיזאַנערס — לאָמיר זיי אַזוי אָנרופן — צוריקגעצויגן דורך בוידעמס און לעכער און פאַרנומען פרישע פּאָזיציעס.

צו ערנסטע באַוואָפנטע צוזאַמענשטויסן איז געקומען אויך אויפן געביט פון די שאָפּן, אויף לעשנע, נאָוואָליפּיע און סמאָטשע, וווּ עס זענען אַרויסגעטראָטן צוויי קאַמפּסגרופּעס אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמוניסטן בנימין לייבגאָט (מיכאַל טשאַרני) און בראָנעק יאַוואָרסקי און דעם אַנטיפאַשיסט ישראל קאַנאַל (מיעטעק, יהודה). די ייִדישע קעמפערס האָבן דאָ בסך־הכל פאַרמאָגט צוויי פּיסטאָלעטן און איין גראַנאַט. נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער געשלײַדערטער גראַנאַט האָט נישט אויפגעריסן, איז אָבער דער ווידערשטאַנד געווען אַזאַ ווירקזאַמער, אַז דער שונא האָט זיך געמוזט צוריקציִען, ווי עס שטעלט קאַטעגאָריש פעסט איינער פון די געטאָ־כראָניקערס, יחיאל גורני 4).

אין די קאַמפן אויפן געביט פון די שאָפּן זענען צווישן אַנדערע געפאַלן דער סעקרעטאַר פון דער פּפּ"ר־גרופּע אויף דעם געביט, לייבגאָט, און דער בונדישער לערער אברהם פײַנער.

צו ווידערשטאַנד־אַקטן איז אויך געקומען אויפן סאַמע אומשלאַג־פּלאַץ. אַ גרופּע פון 60 ייִדן האָט, דערוועקט דורך דעם „זשאָב"־מיטגליד ברוך פּעלץ, זיך אָפּגעזאָגט אַרײַנצוגיין אין די וואַגאָנען און זיך פאַרטיידיקט. זיי זענען אַלע דערשאָסן געוואָרן.

דאָס אומגעריכטע אָנטרעפן זיך אויף אַזאַ ווידערשטאַנד האָט צעטומלט די כאַפּערס. שוין אויפן צווייטן טאָג האָבן די האַקנקרייץ־העלדן מורא געהאַט אַרײַנצוגיין אין די קעלערס — אַזוי פאַרנאָטירט בײַ זיך דער געטאָ־כראָניקער שמואל ווינטער.

די אַקציע האָט געדויערט פון 18טן ביזן 21טן יאַנואַר. דעם שונא איז געלונגען אַרויסצושלעפּן נישט מער ווי 6.500 ייִדן. אונטערן דרוק פון אַקטיוון און פּאַסיוון ווידערשטאַנד האָט זאַמערן געמוזט אַרויסציִען זײַנע כוחות פון געטאָ. די אַקציע איז געוואָרן איבערגעריסן אין סאַמע מיטן. זאַמערן האָט מורא געהאַט צו פאַרציִען די זאַך, ווײַל עס האָט זיך געקאָנט אָפּרופן די פּוילישע גאַס. דער אײַנדרוק פון די אַרויסטריטן פון די ייִדישע קעמפערס איז געווען אין וואַרשע בכלל אַזוי גרויס, אַז מען האָט זיך דערציילט פון מויל צו מויל אַזש געוואַלדיקע גוזמאות — וועגן טאַנקענקאַמפן, וועגן טויזנטער דײַטשע הרוגים אד"גל. די אונטערערדישע פּוילישע פּרעסע איז פול געווען מיט באַשרײַבונגען וועגן די שלאַכטערפאָלגן פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דאָס אַלץ האָט עדות געזאָגט וועגן דער גרויסער יוירונג צווישן דער פּוילישער באַפעלקערונג אין דער ריכטונג פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. די פאָלקסגוואַרדיע האָט טאַקע גוט פאַרשטאַנען די לאַגע און תיכף, דעם 20טן יאַנואַר, לאָזט דער קאָמאַנדיר פון די וואַרשעווער פאָלקסגוואַרדייִשע אָפּטיילונגען אַרויס אַ באַפעל פון קאַמף־מאָביליזאַציע. די פּרעסע פון דער פאָלקסגוואַרדיע רוקט אַרויס דעם קאַמף אין געטאָ ווי אַ מוסטער, וועלכן מען דאַרף נאָכטאָן.

דאָס אַלץ — און קודם כל דער ייִדישער ווידערשטאַנד — האָט געצוווּנגען זאַמערנען איבערצורײַסן די אַקציע.

---

4) געוויסע מחברים און עדות ווילן מינימיזירן דעם ווידערשטאַנד אויף לעשנע, נאָוואָליפּיע און סמאָטשע. אָבער די אויטענטישע דאָקומענטן (גורניס כראָניק, די פּפּ"רישע פּרעסע א"אַ) און די דערקלערונגען פון אַזעלכע עדות, ווי יאַוואָרסקי, דאָרקע גאָלדקאָרן, פּעלטעל־מענדזשיצקי, עדעלמאַן, א"אַ באַשטעטיקן די דורך אונדז געבראַכטע פאַקטן.

דער דאָזיקער פאָרזיכטיקער שריט פון דעם עס־עס־ און פּאָליציי־פירער איז אָבער נישט געווען אין שטאַנד אַרייַנצופירן אַן אַנטשפּאַנונג בייַ די ווידערשטאַנד־לעכצנדיקע עלעמענטן פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. יעדע מינוט האָט געקאָנט קומען צו אַן אויסבראָך.

איז דאָ דעם אָקופּאַנט ווידער געקומען צו הילף די דעלעגאַטור און די אָנפירונג פון זוו"ז (א"ק). אין אָנבליק פון די געשעענישן אין געטאָ ווייַזט די דעלעגאַטור אַרויס אַ „סטאָיִשע רויִקייט". „דער פאַרשטייער פון דער רעגירונגס־דעלעגאַטור — לייענען מיר אין דעם באַריכט פון „זשעגאָטאַ" פון 29טן יאַנואַר 1943 — שטעלט פאָר די סיטואַציע אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַקציע אין געטאָ. ער שטעלט פאָר אַז אַ באַוואָפנטע אַקציע איז אוממעגלעך צוליב דעם פאַרבאָט וואָס עס האָט געגעבן לאָנדאָן." די אָנפירונג פון זוו"ז (א"ק) פאַרשטאַרקט דווקא איצט, סוף יאַנואַר, איר אַגיטאַציע קעגן אַקטיווע אַרויסטריטן. דעם גאַנצן פייַער לאָזט זי קעגן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, קעגן דער סאָוועטישער אַרמיי, וועלכע טרעט אויס מיט גרויסע קרבנות דעם וועג פאַרן זיג און פאַר דער באַפרייַונג. אין אירע אינסטרוקציעס פאַרווערט די אָנפירונג פון זוו"ז (א"ק) אירע זעלנערס צו מאַכן אַטענטאַטן אויף דעם אָקופּאַנטישן מיליטער. אַזוי אַרום קאָן זיך זאַמערן שלאָפן שוין אַ ביסל רויִקער. ער האָט געוווּסט, אַז עס איז פאַראַן אין לאַנד אַ פאַקטאָר וואָס טאָרמאָזירט די ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

אָבער דער אייַנדרוק פון דעם יאַנואַר־אַרויסטריט פון די געטאָ־קעמפּערס איז געווען, נישט געקוקט אויף דער „סטאָיִשע רויִקייט" פון די אויף לאָנדאָן־פאַרקוקטע ספערעס, אַ געוואַלדיקער. און אין דער ערשטער ריי האָבן די דאָזיקע קאַמף־געשעענישן געשטאַרקט דעם מוט פון די ייִדן גופא. אַ דויערהאַפטיקער שפּור פון די קאַמפן איז געבליבן אין דער געטאָ־ליטעראַטור, בייַ יצחק קאַצענעלסאָנען, וולאַדיסלאַוו שלעגעלן, אין די כראָניקעס. די לעצטע געטאָ־אַסורים האָבן זיך געקאָנט איבערצייַגן אַז דער שונא איז נישט אַלמעכטיק, אַז ער מוז אַנטלויפן ווען עס ווערט אים געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, אַז ער קאָן באַקומען מורא. דער קאַמפּסגרוס פון וואַרשעווער געטאָ פון יאַנואַר־חודש איז דערגאַנגען צו די ייִדן מחוץ וואַרשע. ייִדן פון די אַרומיקע שטעטלעך, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין וועלדער און דערפער, טרעטן אַרייַן אין די פּאַרטיזאַנישע מחנות פון דער פאָלקסגוואַרדיע, ווי למשל אין דעמבלינער ראַיאָן. דער גרוס פון וואַרשע איז דערגאַנגען אַזש קיין ביאַליסטאָק, וווּ דער בייַשפּיל פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט באַגייַסטערט די דאָרטיקע ייִדן צו אַן ענלעכן ווידערשטאַנד בעת דער ערשטער ליקווידאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ אין אַ קנאַפּן חודש אַרום, אָנהייב פעברואַר 1943 (אין אונטערערדישן אַרכיוו פון ביאַליסטאָקער געטאָ איז געפונען געוואָרן מאַטעריאַל וועגן די יאַנואַר־געשעענישן אין וואַרשעווער געטאָ).

דער צייַטאָפּשניט פון יאַנואַר 1943 ביזן אויסבראָך פונעם אויפשטאַנד, דעם 19טן אַפּריל, איז געווען דער ענדגילטיקער צוגרייט־עטאַפּ צום לעצטן גרויסן קאַמף און דער אַנטשיידנדיקער פּעריאָד אין דער גענעזיס פונעם אויפשטאַנד, בעיקר בנוגע דער דעציזיע פון ענדגילטיקן קאַמף.

דער דאָזיקער צייַטאָפּשניט הייבט זיך אָן נאָך דעם ערשטן באַוואָפנטן אַרויסטריט פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און דערגייט ביז האַלב אַפּריל, ד"ה ביז ערב דעם אויפשטאַנד. אין דעם דאָזיקן צייַטאָפּשניט איז איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבעס פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע באַשטאַנען אין פאַרהיילן די וווּנדן וואָס זי האָט באַקומען בעתן יאַנואַר־ווידערשטאַנד (18־20טן יאַנואַר 1943), אין דורכפירן אַ זעלבסטקריטיק פון די באַגאַנגענע פעלערן און אין צוריקאויפשטעלן אירע קאַדרען — וואָרעם דער בלוטאָפּפלוס פון „זשאָב" בעתן יאַנואַר־אויפשטאַנד איז געווען זייער אַ גרויסער, ער איז דערגאַנגען אין געוויסע גרופּעס ביזן פאַרלירן פיר פינפטל פון זייער באַשטאַנד. די רייען, וועלכע זענען אין יאַנואַר אַזוי בלוטיק שיטער געוואָרן, ווערן אין משך פון דעם צייַטאָפּשניט ביזן אויפשטאַנד אויסגעפילט מיט נייַע קאַדרען. וואָס שייך די באַגאַנגענע אין יאַנואַר פעלערן, רוקן זיך אַרויס אויפן ערשטן אָרט צוויי: דער מאַנגל אין קאָשאַרירונג פון די קעמפּערס און דאָס פעלן פון אַ געהעריקער וואַכזאַמקייט. דער יאַנואַר־אָנגריף פונעם שונא האָט געטראָפן די געטאָ־קעמפּערס אומגעריכט. חוץ דעם זענען די קעמפּערס אין גרעסטן טייל נישט געווען קאָשאַרירט, נישט געוווינט צוזאַמען. די דאָזיקע צוויי פעלערן ווערן שנעל באַזייַטיקט. עס ווערט אייַנגעפירט אין אַלע ענגע גרופּעס פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע געמיינזאַמע צוזאַמענוווינונגען, געמיינזאַמע באַשפּייַזונג און קאָנסומציע און אַ מיליטערישע דיסציפּלין. עס ווערט אויך באַזייַטיקט דער פעלער בנוגע וואַכזאַמקייט. שוין דער פאַקט אַליין פון קאָשאַרירן די קאַמפּסגרופּעס איז אַ שריט צו וואַכזאַמקייט. אָבער דער שטאַב פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געגאַנגען נאָך ווייַטער: עס איז באַשטימט געוואָרן אַז טאָג און נאַכט וועלן אויסשפּירערס וואַכן בייַ די טויערן און אַנדערע גרענעצפּונקטן פון געטאָ.

א דאַנק דעם העלדישן יאַנואַר־אַרויסטריט איז די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע געוואָרן זייער פּאָפּולער בייַ דער געטאָ־באַפעלקערונג. דער נאָמען „ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע", אָדער אויף פּויליש „זשידאָווסקאַ אָרגאַניזאַציאַ באָיאָוואַ" (אין אַ קיצור: „זשאָב"), ווערט אַלץ מער באַקאַנט. אָבער נאָך מער פּאָפּולער איז בייַ דער געטאָ־מאַסע דער נאָמען „פּאַרטיאַ" (פּאַרטיי). די געטאָ־מאַסע טיילט נישט פונאַנדער צווישן „זשאָב" און צווישן „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" (פאָלקסגוואַרדיע); די דרייַ באַגריפן — „זשאָב", פּאַרטיי און „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" ווערן בייַ איר איינס, איין באַגריף. די פירערס פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האַלטן דעם „זשאָב" — ווי עס שטעלן פעסט גוט אינפאָרמירטע עדי־ראיה — פאַר אַ באַשטאַנדטייל פון דער אַלגעמיין פּוילישער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ".

דעם שטאַרקסטן שטויס די געטאָ־קעמפּערס צו זייער דעציזיע וועגן ענדגילטיקן קאַמף האָבן געגעבן די אויפמונטערנדיקע ידיעות וועגן דעם גרויסן נצחון פון דער רויטער אַרמיי אויפן סטאַלינגראַדער פראָנט. דעם צווייטן פעברואַר 1943 איז פאַרענדיקט געוואָרן די זיגערישע סטאַלינגראַדער אָפּעראַציע, די זעקסטע דייַטשע אַרמיי פון גענעראַל פּאַולוס, וועלכער איז ערב דער קאַפּיטולאַציע נאָמינירט געוואָרן דורך היטלערן פאַר אַ פעלדמאַרשאַל, איז געוואָרן פולשטענדיק אַרומגערינגלט און צעקלאַפּט און האָט זיך סוף כל סוף געמוזט אונטערגעבן. די גאַנצע וועלט, און בפרט די אונטערגעיאָכטע פעלקער, האָבן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן בייַ דער וואָלגע, האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ גענויען דין וחשבון פון דעם היסטאָרישן באַטייַט פון דער שלאַכט. עס איז אַבסאָלוט פאַרשטענדלעך אַז דער אייַנדרוק פון דעם זיגערישן אויסגאַנג פון דער סטאַלינגראַדער שלאַכט איז אין געטאָ געווען אין־לשער. צום בעסטן דריקט אויס די געפילן פון געטאָ אַן עד ראיה, וועלכער איז אין יאַנואַר 1943 געווען באַשעפטיקט אויף אַ „פּלאַצוווקע" מחוץ דעם געטאָ, אויפן מיזרח־וואָקזאַל, בייַם אויסלאָדענען וואַגאָנען וואָס פלעגן אָנקומען פון מיזרח־פראָנט. די דאָזיקע וואַגאָנען פלעגן ס׳רוב ברענגען פאַרוואונדעטע

דייטשע זעלנערס, צום מערסטנס מיט אפגעפרווירענע הענט און פיס. ווען מיר האבן זיי ארויסגעטראגן פון וואגאן, האבן מיר צום ערשטן מאל געארבעט פארן שונא גוט, מיט ברען; מיר האבן דערפילט דעם ווינט פון סטאלינגראד".

עס איז דעריבער נישט קיין צופאל, וואס טאקע אין פעברואר, אין דעם חודש ווען די ידיעות וועגן דעם טריומף פון דער רויטער ארמיי ביי סטאלינגראד, וועגן „דער שקיעה פון דער דייטשער פאשיסטישער ארמיי" (סטאלין), זענען פונאנדערגעטראגן געווארן אין אלע ווינקעלעך פון די אקופירטע לענדער און אויך אין געטא, וואס דעמאלט, אין אזא אטמאספער, איז געפאלן אין ווארשעווער געטא די דעציזיע וועגן דעם קומעדיקן אויפשטאנד, וועלכער איז מקוים געווארן אין צוויי חדשים ארום. אין פעברואר האט שרה זשאגעל, א פארשטייערין פונעם קאמיטעט פון פפ"ר אין געטא, רעפערירט אויף א זיצונג פון די אקטיוויסטן פון דער פפ"רישער קאמפסגרופע אויפן ערשטער־געביט די שטעלונג פון דער פארטיי וועגן דער לאגע און — וואס טאן? זי האט שוין דעמאלט אוועקגעשטעלט די פראגע פון אויפשטאנד. דער אינהאלט פון שרה זשאגעלס ארויסטריט אויף אט דער זיצונג שטעלט זיך פאר — ווי עס גיט איבער אן עד־ראיה — לפי ערך אזוי: מיר גיבן זיך אפ א דין־וחשבון פון דעם, אז דער אויפשטאנד קאן זיך נישט פארענדיקן מיט אונדזערן א ממשותדיקן זיג; אבער דער באשלוס וועגן אויפשטאנד איז שוין געפאלן; די צילן פונעם אויפשטאנד זענען: 1) נישט דערלאזן מער צו אזא לאגע וואס האט געהאט אן ארט אין יולי 1942; 2) דערלאנגען דעם שונא קלעפ לויט אונדזערע מעגלעכקייטן; 3) איינשליסן זיך אין דעם אלגעמיינעם קאמפספראנט קעגן היטלעריסטישן אקופאנט; 4) ווי ווייט עס וועט זיין מעגלעך, ארויסרייסן זיך נאכן אויפשטאנד פון געטא אין וואלד אריין, צו די פארטיזאנערס.

אינעם זעלביקן חודש פעברואר פארשטארקט זיך די קאמפס־אויסשולונג פון די „זשאב"־קאדרען. עס פארשטארקט זיך איינציטיק די אידעאלאגישע אויסשולונג. די קעמפערס באקענען זיך מיט דער אינסטרוקציע פון דער אנפירונג, אז געווער דארף מען דעראבערן ביים שונא און אז עס דארף פארשטארקט ווערן די בוי־טעטיקייט פון בונקערס און קאנאלן.

די עיקר־שטערונג איז געווען — דער מאנגל אין געווער. מיר וויסן שוין פון אן אויפרוף פון דער יידישער קאמפס־ארגאניזאציע פון א פריערדיקער צייט, אז די באוואפנונג פון די יידישע קעמפערס איז אין יאנואר 1943 באשטאנען ס'רוב פון פרימיטיוון קאלטן געווער (אייזנס, שטעקנס, העק וכדומה). אין א בריוו פון 18טן מארץ 1943 צו דער אנפירונג פון זוו"ז (א"ק) מכוח געווער שרייבט די אנפירונג פון „זשאב" אז אין באוואפנונג־הינזיכט „איז די לאגע קאטאסטראפאל". דער שענדלעכער ענטפער פון דער אנפירונג פון זוו"ז (א"ק) איז שוין ברייט באקאנט און עס לוינט זיך נישט אויף אים אפצושטעלן. די איינציקע וואס האבן באמת געהאלפן אין דער פולער מאס מיט געווער, זענען געווען די פפ"ר, די פאלקס־גווארדיע. צום ערגסטן שטעלט זיך פאר די פראגע פון אמוניציע. אין דעם דערמאנטן צייטאפשניט (ביז אפריל) פאלט אויס אויף איין מאשין בסך־הכל 10 קוילן. די אנפירונג פון „זשאב" מאכט איבערמענטשלעכע אנשטרענגונגען איינצוקויפן געווער, ס'רוב א דאנק דער הילף פון איבערגעגעבענע אקטיוויסטן פון פפ"ר, „גווארדיא לודאווא" און פון צווישן די לינק־סאציאליסטישע עלעמענטן אדער פון „זשעגאטא" (ראט צו העלפן יידן). א דאנק דעם וואקסנדיקן נאכפרעג אויף געווער שטייגט דער פרייז. דער פרייז פון א פיסטאלעט („ווים) וואקסט אומגעהייער און דערגייט ביז 12—15 טויזנט זל, פאר קוילן פארלאנגט מען צו 80—120 זל פאר א שטיק. אויף א מאסן־איינקויף פון געווער זענען אזוי ארום נייטיק געווען געוואלדיקע סומעס געלט. דער בודזשעט פון „זשאב" האט געמוזט וואקסן אויך צוליב דער קאשארירונג פון די ענגע קאמפסגרופעס. דער גרעסטער טייל פונעם „זשאב"־בודזשעט איז געדעקט געווארן דורך דער יידישער געזעלשאפט גופא. מענטשן האבן געבראכט געלט און צירונג, בעקער האבן געגעבן בחינם ברויט, אא"וו. עס זענען אויך געווען אזעלכע וואס האבן סאבאטירט די אקציע פון נאציאנאלן קאמף. לגבי אט אזעלכע וואלוטע־הענדלערס, ספעקולאנטן, פאליציי־אפיצירן און שותפים פון די דייטשע שאפן האט דער „זשאב" געמוזט אנווענדן „עקסן", וועלכע האבן אריינגעבראכט גרויסע סומעס אויף איינצוקויפן געווער. לגבי די סאמע פארביסנסטע האט די יידישע קאמפס־ארגאניזאציע אנגעווענדט תפיסה.

צו די סאמע געוואגטסטע „עקסן" האט געהערט דער אנפאל אויף דער קאסע פון יודענראט.

וועגן דעם „עקס" אין דער יודענראט־קאסע איז ביז איצט געווען בלויז אן אלגעמיינע ידיעה, אז אזוינס האט געהאט אן ארט. דער פארלויף פון דער דאזיקער אויסגעצייכנט ארגאניזירטער אקציע איז געווען אומבאקאנט. א דאנק נייע דערקלערונגען פון עדי ראיה קאן מען זיך אויפשטעלן לפי־ערך א בילד פון דער אקציע. וועלכע איז דורכגעפירט געווארן אין דער נאכט פון 29טן אויפן 30טן יאנואר 1943. די יידישע קעמפערס, אין היטלען פון דער ארדנונגס־פאליציי, האבן טעראריזירט די פאליציאנטן, וואס האבן געהאלטן וואך אינעם יודענראט. דער „עקס" איז דורכגעפירט געווארן זייער ענערגיש און פלינק. מיט דער גאנצער אקציע האבן אנגעפירט דער לינקער דרוקער־ארבעטער שמעון מאיופעס און הערש בערלינסקי.

אויף צו מארגנס האט דער יודענראט־פרעזעס ליכטענבוים אלארמירט די געהעריקע היטלעריסטישע מאכטארגאנען. יענע זענען געקומען אויפן ארט, צונויפגעשטעלט א פראטאקאל, אבער נישט אונטערגענומען קיין שום שריט — צו דער גרויסער שטוינונג פון די יידן. ווייזט אויס אז דער שונא האט נישט געוואלט אויפהייבן קיין טומל איבער אזא „קלייניקייט", וויסנדיק — נאך די יאנואר־געשעענישן — אז די יידישע קאמפס־ארגאניזאציע ווערט שטארקער פון טאג צו טאג.

מיט דער צייט האט דער „זשאב" אויפן געביט פון די „עקסן" באקומען א געפערלעכן און פארברעכערישן קאנקורענט. דאס זענען געווען רויבער־באנדעס, סיי יידישע, סיי פוילישע; די לעצטע פלעגן קומען אויף „גאסטראלן" מחוץ דעם געטא. די דאזיקע באנדעס האבן זיך אפט פארגעשטעלט ווי גרופעס פון „זשאב" אדער ווי אנדערע קאמפסגרופעס, אויסגעפרעסט געלט און דורכגעפירט „עקסן". די יידישע קאמפס־ארגאניזאציע האט פארטיידיקט די באפעלקערונג קעגן די רויבערס און באקעמפט די גענגסטערס.

א צווייטע וויכטיקע ארבעט האבן די יידישע קעמפערס דורכגעפירט אין דעם באשריבענעם פעריאד אויפן געביט פון אויסרייניקן די לופט, פון אויסראטן פאררעטערס און שפיאנען.

דער ערשטער גערעכטיקער נקמה־אקט איבער א פאררעטער האט, ווי באקאנט, געהאט אן ארט אין אויגוסט 1942, ווען דער קעמפער ישראל קאנאל האט מיטן רעוואלווער וואס איז אריינגעשיקט געווארן דורך דעם ווארשעווער קאמיטעט פון פפ"ר אויסגעפירט, אמת, נישט אין גאנצן קיין געלונגענעם אטנטאט איבער

דעם שעף פון דער געטאָ־פּאָליציי יוזעף שערינסקי. דער טיפער אײַנדרוק פון אָט דעם ערשטן שאָס איז שוין אויבן באַשריבן געוואָרן.

אין אָקטאָבער 1942 איז אויסגעפירט געוואָרן אַן אַטענטאַט — דאָס מאָל אַ פולשטענדיק געלונגענער — איבער דעם יודענראַט־מאַכער און היטלעריסטישן אַגענט ישראל פירשט. אין נאָוועמבער 1942 — איבער שערינסקיס פאַרטרעטער און פּאָליצייִשן אָנפירער מיט דער ליקווידיר־אַקציע, יאַקוב לעיקין. די אַלע טויט־אורטיילן זענען אויסגעפירט געוואָרן אין הסכם מיט די עפנטלעכע וואָרענונגען וואָס די ייִדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעלאָזט. די ערשטע וואָרענונג איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 17טן אויגוסט 1942, די צווייטע — דעם 30טן אָקטאָבער 1942. ווי עס גיט איבער די צווייטע וואָרענונג, וועלכע פאַררופט זיך אויף דער ערשטער, זענען געשטעלט געוואָרן אין באַשולדיקונג־צושטאַנד פאַר קאָלאַבאָראַציע, אונטערדריקונג פון די אַרבעטער און פּײַניקן די ייִדישע באַפעלקערונג דער יודענראַט, די לייטערס און די אַדמיניסטראַציעס פון די שאָפּן, די לייטערס, אָפיצירן און פונקציאָנערן פון דער „אָרדנונגס־דינסט” און די „גרופּן־פירערס” און פונקציאָנערן פון „ווערקשוץ”.

אין דעם פעריאָד יאַנואַר—אַפּריל איז די אַקציע פון אויסראָטן פאַררעטערס אַרויס פון יהידישע ראַמען און אָנגענומען אַ ברייטערן פאַרנעם.

אין פעברואַר האָט די גרעסטע אַקציע פון אויסראָטן ייִדישע אַגענטן פונעם שונא געהאַט אַן אָרט אויף שוויענטאָ־יערסקע, אויפן געביט פון די בערשטערס, אויפן געביט וואָס האָט זיך אָפיציעל אָנגערופן „הערעסאונטערקונפטס־פערוואַלטונג”. די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן דעם 21טן פעברואַר. די פרטים פון דער אַקציע זענען איצט באַקאַנט סײַ פונעם ראַפּאָרט פון די קעמפערס, סײַ פון דערקלערונגען פון עדי ראיה. ביידע מינים מאַטעריאַלן געפינען זיך אינעם אַרכיוו פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט.

די עדות גיבן אָן די צאָל געסטאַפּאָ־אַגענטן, איבער וועלכע עס איז אויף שוויענטאָ־יערסקע 38 אויסגעפירט געוואָרן דער אַטענטאַט, אויף פינף. פון די פינף זענען פיר געוואָרן דערשאָסן צום טויט; איינער, דער סאַמע געפערלעכסטער, סקאָסאָווסקי, איז געפאַלן אַ שווער פאַרוווּנדעטער. ער האָט זיך שפּעטער אויסבאַהאַלטן אויף דער „אַרישער” זײַט. עס האָט אים, ווײַזט אויס, באַהערשט אַזאַ שרעק פאַר די געטאָ־קעמפערס, אַז ער האָט מורא געהאַט אויף דער אויספאָרשונג אין געסטאַפּאָ צו זאָגן דעם אמת. ער איז אין אַ צײַט אַרום דערשאָסן געוואָרן אין זײַן אייגענער שטוב אויף דער „אַרישער” זײַט דורך אַ ספּעץ־גרופּע פון דער פאָלקסגוואַרדיע נאָך אַ גענויער אויספאָרשונג מצד דער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע.

בײַם דערשאָסענעם געסטאַפּאָ־אַגענט אויף שוויענטאָ־יערסקע 38, ווײַנטרויב, האָבן די אַטענטאַט־אויספירערס געפונען אַ באַריכט, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן פאַר דער געסטאַפּאָ, מיט אַ רשימה פון בונקערס און אַ רעפעראַט וועגן די שטימונגען וואָס הערשן אין געטאָ.

די אַקציע פון 21טן פעברואַר האָט געמאַכט אין געטאָ אַ שטאַרקן אײַנדרוק. די מעכטיקסטע פיגורן, וואָס ווערן געשטיצט דורך דער געסטאַפּאָ, זענען דערשאָסן געוואָרן! אין געוויסע קליינבירגערלעכע געטאָקרײַזן איז דער אײַנדרוק געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז זיי האָבן זיך דעצידירט צו שטיצן די ווידערשטאַנד־באַוועגונג. האָט טאַקע די אָנפירונג פון דער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע געהאַט אַ גרונד צו מעלדן אין איר בריוו פון 13טן מאַרץ 1943 אַז: „אונדזער אַקציע האָט זיך אויפן בערשטער־געביט פאַרענדיקט מיט אונדזער פולשטענדיקן זיג”.

דער צווייטער אַקט פון רעוואָלוציאָנערער גערעכטיקייט איז געווען דאָס אויספירן דעם טויטאורטייל איבערן געסטאַפּאָ־אַגענט אויפן געבִיט פונעם יודענראַט, דעם 75יעריקן געוועזענעם ציוניסטישן טוער און שרײַבער ד"ר אַלפרעד נאָסיג, וועלכער האָט געדינט דער דײַטשער אויסשפּירונג שוין, אַפּנים, זינט אַ סך יאָרן. „אין געטאָ האָט ער — ווי עס דריקט זיך אויס דער גוט באַהאַוונטער עס־עס־אָבערשטורמפירער פראַנץ קאָנראַד — געשטעלט זײַן אַרבעט אין רשות פון די דײַטשן”. נאָך דער מפּלה פון דעם עס־עס און פּאָליציי־פירער פערדינאַנד זאַמערן־פראַנקענעג אין געטאָ אין יאַנואַר 1943 האָט נאָסיג אָנגעשריבן אויף זעקס זײַטן אַ גענויעם מעמאָריאַל פאַר דער זיכערקייט־פּאָליציי מיט אינפאָרמאַציעס וועגן דער ייִדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און מיט עצות, ווי אַזוי דורכצופירן אַ נײַע „אויסזידלונג” אויף אַ „פרידלעכן” אופן. די ייִדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעגעבן דעם טויטאורטייל, וועלכער איז אויסגעפירט געוואָרן דורך די קעמפערס אברהם דרייער, פּײַוול שוואַרצשטיין און מאָטל פינקעלשטיין אין נאָסיגס אייגענער דירה אויף מוראַנאָווסקע 42.

אין חודש פעברואַר זענען אויך אויסגעפירט געוואָרן טויט־אורטיילן איבער: דעם געטאָ־פּאָליציי־אָפיציר פירשטענבערג (אויף דזשיקע־גאַס), די געסטאַפּאָ־אַגענטן מאָניעק פּרוזשאַנסקי און זײַן זון, דעם שפּיצל אַנדערס (אַ ייִד), אין דעם מאָמענט ווען ער האָט געוואָלט עוקר זײַן אויף דער „אַרישער זײַט, דער געסטאַפּאָ־שפּיצל זינגער (ער איז געוואָרן באַגאָסן מיט וויטריאָל). אין אַ רעסטאָראַן אויף נאָוואָליפּיע איז דורך די קעמפערס צעלניק, כאַצקל און יאַנקל דערשאָסן געוואָרן איינער פון די מיאוסטע באַהעלפערס פון דעם שונא, דער טרעגער פּיניע. איבער אַ גאַנצער ריי געסטאַפּאָ־אַגענטן זענען די טויטאורטיילן אויסגעפירט געוואָרן שפּעטער, אויך אין לויף פון דעם אויפשטאַנד.

פאַראַלעל מיט דער אויסראָטונג־אַקציע לגבי פאַררעטערס און שפּיאָנען האָט די ייִדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע פאַרשפּרייט אין געטאָ פלוגבלעטער, וועלכע האָבן גערופן צו וואַכזאַמקייט קעגן דעם אינערלעכן שונא. אין אַזעלכע פלוגבלעטער האָט מען געקאָנט לייענען די ווײַטערדיקע ווערטער: „זײַ פאָרזיכטיק בײַ דער אַרבעט! געדענק אַז אַרום דיר דרייען זיך פּראָוואָקאַטאָרן און אַגענטן!”

די היטלעריסטן זענען זעלטן געקומען צו הילף זייערע אַטאַקירטע אַגענטן. זיי האָבן פּראָסט־פּשוט מורא געהאַט. „לויט אונדזערע ידיעות — גיט איבער אַן עד־ראיה, — האָבן די סאָלדאַטן פון דער וואַך אַזוי מורא געהאַט פאַר פאַרטיזאַנער, אַז עס איז כמעט געווען זיכער, דאָס אויפן אָפּהילך פון די שאָסן וועט קיינער פון זיי נישט אַרויסשטעקן די נאָז אויף דער גאַס”.

אין די זעלטענע פאַלן ווען די היטלעריסטן זענען יאָ געקומען צו לויפן, האָבן די ייִדישע קעמפערס זיי אויפגענומען מיט קוילן־סעריעס. די קאַמפסאַקציעס זענען געווען געווענדט אויך קעגן די יענע „ווערקשוצן”, וועלכע האָבן זיך געלאָזט פילן די אַרבעטער אין די שאָפּן. צוו"אַ איז דערשאָסן געוואָרן איינער פון די פאַראַסטע דײַטשע „ווערקשוצן” „פאַט” (ער איז געווען זייער אַ הויכער; עס איז אויך געווען אַ נידעריקער „ווערקשוץ”, אַ דײַטש וועלכן מען האָט גערופן „פאַטאַשאָן”). די אַקציע האָבן דורכגעפירט די „זשאָב”־מיטגלידער סעוועק נולמאַן און סאַלעק.

דעם עלפטן פעברואַר האָבן די קעמפּערס דערשאָסן אויף נאַלעווקעס אַן עס־עס־מאַן; דעם 18טן פעברואַר האָבן זיי דערשאָסן, אויך אין געטאָ, צוויי זשאַנדאַרן. אויך וועגן די אַקציעס זענען פאַראַן ראַפּאָרטן, אָנגעשריבענע דורך די אויספירערס (אינעם אַרכיוו פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט).

אונטערשטרײַכנדיק דעם אויפשטײַג פון די קאַמפּאַקציעס אין געטאָ, דאַרף מען זאָגן אַז עס איז קלאָר, דאָס דער שונא האָט אָבסערווירט די געשעענישן מיט אַ וואַקסנדיקן אומרו. עס האָט זיך פאַר די אָנפירנדיקע אָרגאַנען פון דער היטלעריסטישער זיכערקייט־פּאָליציי אַלץ שאַרפער געשטעלט די פראַגע פון ענערגישן און פולשטענדיקן ליקווידירן דעם געפערלעכן ווידערשטאַנד־צענטער, וואָס עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס וואַרשעווער געטאָ.

מען קאָן אָננעמען אַז לפי ערך אין דער דאָזיקער צײַט איז פאָרגעקומען דער שמועס פון מאַרטין באָרמאַנען מיט היטלערן אין מינכען אין דער פראַגע פון וואַרשעווער געטאָ, וועגן וואָס עס שרײַבט אין זײַנע זכרונות דעם „פירערס” קאַמערדינער קאַרל ווילהעלם קראַוזע 5). באָרמאַן האָט אינפאָרמירט היטלערן וועגן דער לאַגע אין וואַרשע און אים דערציילט וועגן דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ, אַקצענטירנדיק דעם פאַקט וואָס אין דער געטאָ־אונטערערד האָט מען געפונען אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט, דורך וועלכן די ייִדן שטייען אין קאָנטאַקט מיט אויסלאַנד. אויף באָרמאַנס פראַגע: ווי דאַרף מען האַנדלען? „האָט היטלער אַ טראַכט געטאָן און דערקלערט, אַז אויב דער ראַפּאָרט איז אמתדיק, מוזן קומען רעפּרעסיעס”. דעם ענין פון רעפּרעסיעס האָט דער „פירער” איבערגעגעבן באָרמאַנען, הימלערן און די עס־עס־פירערס אין וואַרשע.

דעם 16טן פעברואַר האָט הימלער אַרויסגעשיקט געהיימע בריוו צום שעף פון דעם „ווירטשאַפטס־פערוואַלטונג־הויפּטאַמט”, דעם עס־עס־אָבערגרופּנפירער גענעראַל פּאָהל און צום העכערן עס־עס־ און פּאָליציי־פירער פון דער גענעראַל־גובערניע גענעראַל קריגער. אין דעם בריוו צו דעם לעצטן זאָגט זיך אַז „די צעשטערונג פון געטאָ און דאָס שאַפן אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער איז אַ נויטווענדיקע זאַך, ווײַל אין קעגנפאַל וועלן מיר קיין מאָל נישט דערפירן צו דער באַרויִקונג פון וואַרשע, און די פאַרברעכערישקייט, בײַם עקסיסטירן פון געטאָ, וועט קיין מאָל נישט ווערן אויסגעראָטן”. און ווײַטער:

„מען דאַרף מיר פאָרלייגן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן פון צעשטערן דאָס געטאָ. יעדן פאַלס דאַרף מען דערגרייכן אַז דער שטח, וואָס עקסיסטירט ביז איצט פאַר איבער 500 טויזנט אונטערמענטשן און וואָס וועט קיין מאָל נישט זײַן פּאַסיק פאַר דײַטשן, זאָל פאַרשווינדן פון דער ערד־אייבערפלאַך און עס זאָל פאַרקלענערט ווערן די מיליאָנען־שטאָט וואַרשע, וועלכע איז כסדר אַ געפערלעכער צענטער פון פונאַנדערלייגונג און אויפשטאַנד”.

הימלערס באַפעל פונעם 16טן פעברואַר 1943 איז די ענדגילטיקע חתימה אויפן טויטאורטייל פון וואַרשעווער געטאָ. דאָס צויאָגן אויסצופירן דעם אורטייל — נישט קוקנדיק אויף די באַמיִונגען פון דער מיליטערישער מאַכט וועגן אַ צײַטווײַליקן אָפּלייגן די ליקווידאַציע צוליב ווירטשאַפטלעכע סיבות — איז דיקטירט געוואָרן, ווי הימלער האָט עס אונטערגעשטראָכן אין זײַן בריוו, צוליב סיבות פון זיכערקייט. וואַרשע, דאָס געטאָ אײַנגעשלאָסן, איז, לויט דער מיינונג פונעם „רײַכספירער”, כסדר אַ צענטער פון אויפשטאַנד. דער בריוו פונעם 16טן פעברואַר איז אַ באַפעל נישט בלויז אַרויסצושיקן די ייִדן, נאָר אויך חרוב צו מאַכן דאָס געטאָ. דער באַפעל אויסצוגלײַכן מיט דער ערד דעם ייִדישן ווױנראַיאָן, דעם ראַיאָן פון העכער אַ האַלבן מיליאָן אײַנוווינערס, איז איינצײַטיק געווענדט קעגן דער שטאָט וואַרשע, וועלכע דאַרף ווערן, לויט די פּלענער פון די היטלעריסטן, דעגראַדירט, צעקאַליעטשעט און פאַרקלענערט. דער פּלאַן, וואָס שטאַמט פון בערלין, איז געווען דער אָנהייב פון וואַרשעס צעשטערונג בכלל, וואָס איז רעאַליזירט געוואָרן אין אַ יאָר שפּעטער, אין 1944.

דאָס אויספירן דעם פּלאַן איז איבערגעגעבן געוואָרן צוויי פאַרדינסטפולע פעלקער־מערדער, פּאָהלן און קריגערן, וועלכע האָבן געדאַרפט אָנפירן מיט ביידע זײַטן פון דעם זעלביקן פאַרברעכן: קריגער — מיטן ליקווידירן די מענטשן און מיט חרוב מאַכן דעם ווױנראַיאָן; פּאָהל — מיטן צורויבן דאָס פאַרמעגן. דאָס איבערגעבן קריגערן און פּאָהלן די אויפגאַבע פון ליקווידירן דאָס געטאָ איז געקומען נאָך דעם ווי אין די צענטראַלע עס־עס־אינסטאַנצן האָט מען זיך אָפּגעזאָגט פון דער לכתחילהדיקער קאָנצעפּציע צו ברענגען פון נירענבערג קיין וואַרשע אַ ספּעציעלע סאַפּיאָרן־אָפּטיילונג צו פאַרניכטן דאָס געטאָ. מיר קענען נישט די סיבות פאַר וואָס דער שונא האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם פּראָיעקט, מיר ווייסן אָבער יאָ אַז ער האָט באַשלאָסן — איידער ער נעמט זיך צו דער ענדגילטיקער טעראָריסטישער ליקווידירונג — ווידער אָנצוווענדן די אַלטע מאַנעווערס פון דיווערסיע און „פרידלעכן” אַרויספירן די ייִדן. דאָס אָנווענדן די דאָזיקע מעטאָדן האָט זיך גענומען פון דער מורא, טאָמער חזרן זיך איבער — און אפשר אין אַ נאָך ברייטערן פאַרנעם — די געשעענישן פון 18—20טן יאַנואַר.

די נײַע דיווערסיע־מעטאָדן צו גאַנגרעניזירן און פּאַראַליזירן די ייִדישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון אינעווייניק זענען געוויס באַאַרבעט געוואָרן אין דער וואַרשעווער זיכערקייט־פּאָליציי, ביי ד”ר האַהן צוזאַמען מיט די געסטאַפּאָ־באַאַמטע מענדע, בראַנדט א”אַ. פּלוצעם האָט זיך אין וואַרשעווער געטאָ באַוויזן אַ שפּאָגל נײַע „קאַמפּסגרופּע”, וועלכע איז אַרויסגעטראָטן אונטערן נאָמען און פירמע פון דער אַמאָליקער אונטערערדישער געטאָ־צײַטשריפט אין דער פוילישער שפּראַך „זשאַגעוו”, וואָס איז שוין פון לאַנג, זינט מײַ 1942, נעלם געוואָרן פונעם האָריזאָנט (דער לעצטער נומער, וואָס געפינט זיך אינעם רינגעלבלום־אַרכיוו, שטאַמט פון מײַ 1942). די נײַע „קאַמפּסגרופּע” איז — לויטן אויסדרוק פון דעם געטאָ־כראָניקער שמואל ווינטער — געווען אַ מיסטיפיקאַציע פון „זשאַגעוו” און גיכער אַ פיליע פון גאַנצווײַך, וועלכער האָט נאָך אַ לענגערן פאַרזונקען ווערן זיך ווידער באַוויזן אין געטאָ אין די חדשים פעברואַר—מאַרץ. די דאָזיקע „קאַמפּסגרופּע”, וועלכע איז בפירוש אונטערגעשטעלט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ, איז אַרויס מיט הוררא־רעוואָלוציאָנערע מליצות, שטרעבנדיק איבערצוכאַפּן די קאַמפּסשטימונגען פון דער געטאָ־מאַסע און אַרויסצורופן פּריצײַטיקע, נישט צוגעגרייטע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען, כדי צו דערפירן צו אַ שחיטה און אַרײַנצוכאַפּן די ייִדן אין אַ נעץ. די דיווערסאַנטן האָבן אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף, אין וועלכן זיי האָבן אויפגעפאָדערט די ייִדן, זיי זאָלן זיך צונויפזאַמלען פאַרן יודענראַט־בנין אויף זאַמענהאָף־גאַס מיטן ציל „אָנצוהייבן אַן אויפשטאַנד”. די געסטאַפּאָ האָט געוואָלט אַזוי אַרום אַרויסציִען די ייִדן פון די שאָפּן, ווילדע געביטן אָדער בונקערס און כלערליי באַהעלטענישן, אַרומרינגלען זיי אויפן פּלאַץ און אויסשחטן זיי אויפן אָרט, אָדער מיט געוואַלד אַוועקשלעפּן זיי צום אומשלאַג־פּלאַץ. דער דאָזיקער פערפידער מאַנעווער איז אָבער טאָרפּעדירט געוואָרן דורך

---

5) קאַרל ווילהעלם קראַוזע: צען יאָר ווי אַ קאַמערדינער בײַ היטלערן.
Karl Wilhelm Krause: Zehn Jahre Kammerdiener bei Hitler. Hamburg. S. 73.

דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, דורך איר וואַכזאַמקייט, ווי דאָס קומט טאַקע צום אויסדרוק אין שמואל ווינטערס נאָטיצן.

איינצײַטיק באַמיט זיך גאַנצווײַך צו שאַפן אין געטאָ אַן „אַנטיקאָמוניסטישע ליגע". אויך דער מאַנעווער ווערט דעמאַסקירט און טאָרפּעדירט — לויט ווי עס טיילט מיט אין זײַנע נאָטיצן דער זעלביקער שמואל ווינטער. עס איז שוין דעמאָלט נישט געווען אין געטאָ כמעט קיין איין ייִד וועלכער זאָל זיך דערוועגן צו טראַכטן וועגן אָנטייל נעמען אין קאַמף קעגן קאָמוניזם, קעגן דעם ראַטן־פאַרבאַנד.

די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט נישט בלויז גערופן צו וואַכזאַמקייט. זי האָט דערקלערט אַ קאַמף די רעדל־פירערס פון דער א"ג „זשאַגעוו־גרופּע". אויף שוויענטאָ־יערסקע 34 איז דערשאָסן געוואָרן איינער פון זיי, אַ געוויסער איגנאַץ.

די דיווערסיע איז דעם שונא נישט געלונגען.

האָט ער זיך גענומען צו אַ צווייטן שווינדלערישן מיטל — ער האָט ווידער אָנגעטאָן אַ מאַסקע פון אַ רודף־שלומניק. דער שונא האָט זיך געריכט אַז די שווערע לאַגע פון די געטאָ־איינוווינערס וועט העלפן אַרויסצורופן בײַ זיי אַ גרייטקייט אָנצונעמען די „פרידלעכע" טאַקטיק פון „אויסזידלונג". דער בלוטיקער בראַנדט איז מיט אַ מאָל נעלם געוואָרן פון דער סצענע — אויף דער אַרענע זענען אויפגעטראָטן די „זאַכלעכע" סוחרים און אונטערנעמערס, די ציווילע לײַט וואַלטער צעזאַר טעבענס, ק. ג. שולץ, סטעהמאַן א"אַ. עס העלפן זיי מיט אין דער אַגיטאַציע, אַז די ייִדן דערוואַרט אין טראַווניק און פּאָניאַטאָוו ממש אַ גן־עדן, אויסוווּרפן פון דער ייִדישער געזעלשאַפט, ווי הירשל, ווײַנבערג, גלאָווינסקי — שותפים און דירעקטאָרן פון דײַטשע שאָפּן, און אַ ריי פאַרקויפטע מײַסטערס. עס ווערט, כידוע, געבראַכט אַ דעלעגאַציע פון אַכט ייִדישע מײַסטערס פון לובלין, וועלכע דאַרפן באַשטעטיקן די אמתדיקייט פון די צוזאָגן פון טעבענס און זײַנע באַהעלפערס. די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע רעכנט זיך אָפּ מיט אָט די פאַררעטערס, פונקט ווי מיט די פריִערדיקע. הירשל ווערט דערשאָסן אין מיטן העלן טאָג אויף דער גאַס. די נישט־געבעטענע יאָר־עדות פון לובלין קריגן אָנגעבראָכן די ביינער און ווערן געצוווּנגען צו בלײַבן שטיל.

טעבענס, דער גירוש־קאָמיסאַר, פּרוּווט אָבער אָרגאַניזירן דעם ערשטן אַרויספאָר־טראַנספּאָרט פון מענטשן און מאַשינען. אויפן ערשטן פײַער גייט האַללמאַנס סטאָליערײַ־פאַבריק. אין דער צווייטער ריי — די פאַבריקן פון שולץ און שיללינג און די בערשטער־וואַרשטאַטן. די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע וואַרפט דעם לאָזונג „טראַווניק און פּאָניאַטאָוו איז טרעבלינקע!" דער לאָזונג פונעם „זשאָב" ווערט אויפגענומען און אויסגעפירט דורך דער מאַסע. פון די טויזנט אַרבעטערס פון דער סטאָליערײַ־פאַבריק, וועלכע ווערן אויפגעפאָדערט זיך צו שטעלן צום אַרויספאָר, יאַווען זיך נישט מער ווי 25. טעבענסעס אויפפאָדערונג ווערט סאַבאָטירט. און די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז דאָס מאָל ווידער זייער אַקטיוו און רירעוודיק. כדי נישט צוצולאָזן צום אַרויספירן די מאַשינען און רוישטאָפן, צינדן אונטער צוויי „זשאָב"־גרופּעס, אונטער דער אָנפירונג פון שלמה ווינאָגראָן און מאָטל גאָלדשטיין, האַללמאַנס מאַגאַזינען און וואַרשטאַטן, מאַכנדיק דער דאָזיקער דײַטשער אונטערנעמונג אַ שאָדן אויף אַ סך מיליאָנען.

די דאָזיקע גוט־דורכגעפירטע אַקציע פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג נישט בלויז

אין געטאָ, נאָר אויך אין דער פּוילישער אונטערערד אויף דער „אַרישער" זײַט. אַ ספּעציעלן אַרטיקל האָט געווידמעט דער דאָזיקער אַקציע דער אָרגאַן פון דער פאָלקסגוואַרדיע „גוואַרדזשיסטאַ". אינעם נומ' 16 פון 12טן אַפּריל 1943. אינעם אַרטיקל א"נ „דער ווידערשטאַנד אין געטאָ" ווערט צוו"אַ געשריבן אָט וואָס: „מיט אַ פולשטענדיקער מפּלה האָט זיך געענדיקט דער פּרוּוו צו עוואַקויִרן האַללמאַנס פאַבריק. אין אָט דער גרויסער אונטערנעמונג, וועלכע ציילט אַרום 1000 אַרבעטער, האָבן זיך צו דער עוואַקואַציע געשטעלט סך־הכל 50 פּערזאָן. די מאַגאַזינען פון האָלץ, ברעטער און פּאַרטיקע מעבל, וועלכע זענען געווען באַשטימט פאַר מיליטערישע אינסטיטוציעס, זענען געלאָזט געוואָרן מיטן רויך דורך אַ גרופּע גוואַרדיסטן. אויפן געביט פון די פאַבריקן דויערט ווײַטער די אַקציע פון אויסראָטן געסטאַפּאָ־שפּיצלערס און פון סאַבאָטירן די טעראָריסטישע פאַראָרדענונגען פון די דירעקציעס".

ווען עס איז נישט געלונגען אין איין אָרט, אויפן האַללמאַן־געביט, וואַרפט זיך טעבענס אויף אַ צווייטן געביט. סוף פעברואַר אָדער אָנהייב מאַרץ פּרוּווט טעבענס „אויסצוזידלען" די אַרבעטער פון שולצס און שיללינגס פאַבריקן. עס חזרט זיך אָבער איבער דאָס זעלביקע וואָס אין האַללמאַנס פאַבריק. פון די 1600 אַרבעטער פון די פאַבריקן שטעלן זיך צום אַרויספאָר 250. אָבער אויך פון דער גרופּע אַנטלויפן אַ סך. די היטלעריסטן האָבן געכאַפּט פיל פון די אַנטלאָפענע און זיי פאַרשפּאַרט אין אַרעסט. דעמאָלט פירט דורך די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַן אָטעם־פאַרכאַפּנדיקע דרייסטע אַקציע און באַפרײַט אין דער אַנוועזנקייט פון דער דײַטשע „ווערקשוצן", וועלכע קוקן זיך צו צו די געשעענישן און האָבן מורא אָפּצוגעבן אפילו איין שאָס.

אָנהייב מאַרץ ווערן דורכגעפירט ווײַטערדיקע סאַבאָטאַזש־אַקטן קעגן די מאַשינען און רוישטאָף־מאַגאַזינען פון די דײַטשע אונטערנעמערס אין געטאָ. דעם זעקסטן מאַרץ צינדן אונטער ייִדישע קעמפערס די עס־עס־מאַגאַזינען אויף נאַלעווקעס. די דאָזיקע מאַגאַזינען זענען געווען פאַראייניקט מיט די וואַרשטאַטן וואָס האָבן צוגעשטעלט אויסשטאַטונג פאַר לאַזאַרעטן — למשל מאַטראַצן, בעטלעך, קאָלדרעס. די קעמפערס האָבן באַנוצט אָנצינדפלעשער, טערמיט־באָמבעס, בענזין און נאַפט. נאָכן אָפּגעבן צוויי שאָסן אויף אָפּצושרעקן די וואַך, איז דורכגעפירט געוואָרן די אויפרײַס־אונטערצינדונג. דער דײַטשער וועכטער האָט זיך פון שרעק באַהאַלטן, נישט אָפּגעבנדיק קיין איין שאָס. די שאָדנס זענען געווען זייער גרויסע. די אַלאַרמירטע עס־עס, פּאָליציי, זשאַנדאַרמעריע און פײַער־לעשערס זענען אָנגעקומען אין 4 מינוט נאָכן אויספירן דעם סאַבאָטאַזש־אַקט, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט.

אין די טעג פון 4טן ביזן 12טן מאַרץ מאַכט טעבענס פאַרשידענע אָנשטרענגונגען אַרויסצופירן די אַרבעטער פון דעם בערשטער־־געביט. די באַמיִונגען טרעפן אָבער אָן אויף אַן אָרגאַנירטן ווידערשטאַנד מצד די ייִדן. פון די 4000 בערשטער־אַרבעטער מעלדן זיך צום אַרויספאָר נאָר 20. אָבער אויך די 20 האָבן די היטלעריסטן געמוזט פירן דורך „אַרישע" גאַסן און נישט דורכן געטאָ, צוליב דער מורא, זיי זאָלן נישט ווערן אָפּגעשלאָגן. מחמת דער געשאַפענער לאַגע באַשליסט טעבענס אַרויסצופירן נאָר די מאַשינען. דער „זשאָב" ענטפערט אויף דעם מיט אונטערצינדן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ די דאָזיקע מאַשינען. אַזוי אַרום זענען פון דעם בערשטער־געביט נישט אַרויסגעפירט געוואָרן נישט די

מענטשן, נישט די מאַשינען. די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט דערצו נישט דערלאָזט.

אָט אַזוי האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אויך די צווייטע טאַקטיק, די טאַקטיק פון „פרידלעכע" מאַנעווערס איז דעם שונא נישט געלונגען. די ייִדישע קעמפערס האָבן פאַרשטאַנען אַז דער שונא וויל מיט אַלע כוחות צורויבן בײַ זיי זייער נאַטירלעכן קאַמפּספּלאַץ, דאָס געטאָ אין שטאָט, די הײַזער, וועלכע האָבן געקאָנט דינען פאַר פעסטונגען, די בונקערס אד"גל. די ייִדישע קעמפערס האָבן זיך מיט ציין און נעגל געקלאַמערט אין דעם דאָזיקן קאַמפּספּלאַץ.

נאָך דעם ווי די צוויי מעטאָדן — די דיווערסיע און די „פרידלעכע" אַגיטאַציע — האָבן קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן דעם שונא נישט געבראַכט, האָט די היטלעריסטישע זיכערקייט־מאַכט אין וואַרשע ווײַזט אויס באַשלאָסן צו צווינגען די געטאָ־באַפעלקערונג צו ענדערן איר שטעלונג דורך אַ ספּעציעלן גרעסערן טעראָראַקט. סוף דער צווייטער וואָך פון חודש מאַרץ הייבן מיט אַ מאָל אָן גרופּעס פון „ווערקשוצן" און סאָלדאַטן צו בושעווען איבער די געטאָגאַסן. זיי רײַסן זיך אַרײַן כנופיותווײַז אין די הײַזער, שיסנדיק און ראַבירנדיק. די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע טרעט תיכף צו צו אַ נקמה־אַקציע. אויף אַ געגעבענעם סיגנאַל טרעטן אַרויס די קעמפערס דעם 13טן מאַרץ 6 אַ זייגער אין דער פרי און נעמען זיך יאָגן נאָך די פּאָגראָמשטשיקעס. אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פון 13טן מאַרץ, וועלכער איז נאָך די יאַנואַר־געשעענישן געווען דער צווייטער לויט דער גרייס באַוואָפנטער אַרויסטריט פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אינעם פאַר־אויפשטאַנד־פּעריאָד 6). געוויסע נײַע דאָקומענטן און אַרויסזאָגונגען גיבן אַ שטיקל בילד וועגן די געשעענישן פון 13טן מאַרץ. איין קאַמפּסגרופּע האָט אַטאַקירט די דײַטשע „ווערקשוצן" אויף מילע־גאַס, אין דעם מאָמענט ווען זיי האָבן דורכגעפירט אַן איבערפאַל איבער ייִדן. עס האָט זיך פאַרקניפּט אַ שלאַכט. איין דײַטש איז געפאַלן אַ דערהרגעטער, דעם צווייטן האָט געטראָפן אַ קויל בעתן אַנטלויפן, אַ דריטער איז געוואָרן דורך די ייִדישע קעמפערס אַנטוואָפנט. עס איז תיכף אַלאַרמירט געוואָרן די עס־עס, עס זענען אַרײַן אין געטאָ עס־עס־לײַט און געסטאַפּאָ. די קעמפערס האָבן באַנײַט די שיסערײַ. אין רעזולטאַט איז איין עס־עס־מאַן געוואָרן פאַרוווּנדעט. דער „זשאָב" האָט קיין פאַרלוסטן נישט געהאַט.

דער מוטיקער אַרויסטריט פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין די פרימאָרגן־שעהן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סיגנאַל זיך צו וואַרפן אויף די תלינים. גרופּעס קעמפערס און סתם דרייסטע מענטשן לאָזן זיך אין געיעג נאָך די „ווערקשוצן". אוקראַיִנישע „ווערקשוצן" ווערן אַנטוואָפנט, איינער פון זיי פאַלט אַ דערשאָסענער. עס־עס־לײַט כאַפּן אַ קעמפער מיט געווער אין האַנט. דער „זשאָב" שלאָגט אָפּ דעם חבר. בעתן קאַמף פאַלן טויט צוויי היטלעריסטן.

אויף מוראַנאָווער גאַס טרעט אַרויס אַ גרופּע טרעגערס און שמוגלערס ,וועלכע דערהרגענען אַן אָפיציר פון דער „לופטוואַפע"; דער אָפיציר איז געקומען אויף רויב־„גאַסטראָלן" אין געטאָ.

אויף לעשנע ברעכט אויס אַ קעגנזײַטיקע שיסערײַ. אין סך־הכל פאַלן צוויי דײַטשן און איין אויסשפּירער פון דער פּוילישער פּאָליציי. אין שלאַכט פאַלט איין ייִדישער קעמפער.

נײַן אַ זייגער אין דער פרי האָבן זיך די עס־עס־לײַט צוריקגעצויגן. „די גאַסן זענען געבליבן פוסט; מיט שפּאַנונג דערוואַרטן מיר די ווײַטערדיקע געשעענישן" — אַזוי האָט געשריבן די אָנפירונג פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע דעם 13טן מאַרץ אין דער פרי אין אַ ווענדונג צו דער „אַרישער" זייט.

אין עטלעכע שעה אַרום יאַוועט זיך אין געטאָ בראַנדט מיט פאַרשטאַרקונגען און נעמט אָן אַ ריי בלוטיקע רעפּרעסיעס. פון צוויי ביז פיר נאָך מיטאָג דויערט די „פּאַציפיקאַציע". עס ווערט געשאָסן צו יעדן אָנגעטראָפענעם דורכגייער. מענטשן ווערן אַרויסגעצויגן פון די שטיבער און באַהעלטענישן און ווערן בעסטיאַליש דערמאָרדעט אויפן אָרט. די „פּאַציפיקאַציע" האָט קודם־כל אַרומגענומען דעם אָפּשניט פון מילע־גאַס צווישן זאַמענהאָף און נאַלעווקעס. עס זענען דערהרגעט געוואָרן אַרום 200 ייִדן, בתוכם 14 קינדער. פיר אַ זייגער איז די נקמה־אַקציע געוואָרן איבערגעריסן.

די סיבה, פאַר וואָס די „פּאַציפיקאַציע" איז איבערגעריסן געוואָרן, איז נישט געווען באַוווּסט. עס קאָן זײַן אַז די היטלעריסטן זענען נאָך נישט געווען גרייט זי צו פאַרוואַנדלען אין דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פונעם געטאָ. עס קאָן אויך זײַן אַז עס האָט געהאַט אַ פּעולה דער פאַקט — וועלכן עס האָט אָנגעגעבן בעת זײַן עדות זאָגן אויף סטראָפּס פּראָצעס מאַרעק עדעלמאַן — אַז די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט דעם 13טן מאַרץ פאַרהאַלטן דעם אַרײַנמאַרש פון 50 היטלעריסטן, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן דורך זאַמערנען צו הילף בראַנדטן. ווי עס זאָל נישט זײַן, דאַרף מען באַטאָנען אַז דער קאַמף פון 13טן מאַרץ האָט שוין געטראָגן אין זיך די שטימונג פון קומענדיקן אויפשטאַנד. די אַטמאָספער אין געטאָ איז שוין אויף אַזוי פיל געוואָרן אָנגעלאָדן מיט פולווער, אַז עס איז גענוג געווען אַ סיגנאַל און אַ מוטיקע זעלבשוץ מיט אַ געשיסערײַ, עס איז גענוג געווען דער ערשטער דערשאָסענער היטלעריסט, אַז עס זאָל זיך אַ ריר טאָן נישט בלויז דער „זשאָב", נאָר אויך אַ טייל פון דער באַפעלקערונג. דאָס לאָזט זיך אַרויספילן סײַ פון די קאָמוניקאַטן פון דער אונטערערדישער פּוילישער פּרעסע, סײַ פונעם טאָן פון דעם בריוו פון דער אָנפירונג פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, סײַ פון דער דערקלערונג פון אַן עד־ראיה (מ. עדעלמאַן), וועלכער פאַררעכנט דעם דורכפאַל פון די דײַטשן דעם 13טן מאַרץ פאַר דער צווייטער מפּלה פונעם עס־עס־ און פּאָליציי־פירער זאַמערן (נאָך די יאַנואַר־געשעענישן); די דריטע איז, כידוע, געקומען דעם 19טן אַפּריל.

מען דאַרף זיך משער זײַן אַז אויף דער דאָזיקער צײַט איז אויסגעפאַלן דער באַשלוס פון די געטאָ־קעמפערס אויסצופירן אַן אַטענטאַט איבער פראַנץ קאָנראַדן, דעם עס־עסישן לייטער פון דער „ווערקערפאַסונגסשטעללע" — וועגן וואָס עס האָט מיטגעטיילט קאָנראַד אין די דערקלערונגען אויף זײַן וואַרשעווער פּראָצעס אין יולי 1951. דער אַטענטאַט האָט געדאַרפט ווערן אויסגעפירט אויף ניסקע־גאַס. ער איז נישט צו שטאַנד געקומען מחמת דעם, וואָס קאָנראַדס אַ יוצר משרת, אַ ייִד אַ מסור, האָט אים בײַ צײַטנס געוואָרנט, און קאָנראַד האָט זיך נישט באַוויזן אויפן אָרט, אויסמײַדנדיק אַזוי אַרום די קויל פון די ייִדישע נקמה־נעמערס.

אַנאַליזירנדיק דעם ווײַטערדיקן לויף פון די געשעענישן, דאַרף מען קודם־כל אונטערשטרײַכן די וואַקסנדיקע אַקטיוויטעט פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. נישט געקוקט אויפן בלוטבאָד פון

---

6) די פאַקטאָגראַפיע פון די קאַמפן פון 13טן מאַרץ 1943 גיבן מיר איבער אויפן סמך פון דער פויליש־אונטערערדישער פרעסע און פונעם בריוו פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון 13טן מאַרץ 1943, און אויך פון אַ ריי גביות־עדות.

13טן מאַרץ, לאָזט אַרויס דער „זשאָב" באַלד אויף צו מאָרגנס, אין דער נאַכט פון 14טן אויפן 15טן מאַרץ, אַן אויפרוף, וועלכער פאָדערט ווײַטער אויף די באַפעלקערונג צו סאַבאָטירן די אַרויספאָר־פאַראָרדענונגען און צו שטעלן אַ ווידער־שטאַנד. דאָס איז, ווי עס ווײַזט אויס, געווען נייטיק כדי עס זאָל אין דער פאַרביסענער שטימונג נישט אַרײַנקומען קיין וואַקלונג און אָפּשוואַכונג מחמת דער שחיטה פון 13טן מאַרץ. דער טעקסט פון דעם דאָזיקן אויפרוף איז, צום באַדויערן, צו אונדז נישט דערגאַנגען. אָבער וועגן זײַן אינהאַלט קאָן מען זיך דערוויסן פון דעם באַקאַנטן עפנטלעכן ענטפער, וואָס טעבענס האָט געגעבן אויף דעם דאָזיקן אויפרוף פון דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. פון דער דערקלערונג פון דעם עד־ראיה בערנאַרד באַרג דרינגט אַרויס אַז דער שלוסאַקאָרד פון דעם „זשאָב"־אויפרוף איז געווען לפי ערך אַזאַ: גלייבט נישט טעבענסן, ער וויל פונקט ווי אַנדערע עס־עס־לײַט פאַרטיליקן דאָס לעצטע ביסל יִדן; אַנשטאָט גיין צום טויט, טרעט אַרויס מיט געווער אין האַנט!

עס איז אינטערעסאַנט אַז אין זײַן עפנטלעכן ענטפער מאַכט זיך טעבענס אין גאַנצן נישט־וויסנדיק וועגן דער „פּאַציפיקאַציע" פון 13טן מאַרץ. ער רעדט נאָר אַלץ ווי אַ „רודף־שלומניק", ער פּאָלעמיזירט „זאַכלעך" מיט דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אָנרופנדיק זי בײַם נאָמען, ער רעדט וועגן „אויסדויערן די מלחמה" וכדומה. ווי באַקאַנט, איז טעבענסעס ענטפער־אויפרוף קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. די ראָלעס האָבן זיך אויף אַ געוויסער צײַט געביטן. די יִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז דער הערשער פון גאַס — דערקעגן טעבענס, דער מעכטיקער שקלאַפן־באַזיצער, ווערט אַן אָביעקט פון חוזק און שפּאָט. אין די געטאָקרײַזן איז אין יענער צײַט געווען פּאָפּולער דאָס סאַטירישע ליד, וואָס דער געטאָ־דיכטער וולאַדיסלאַוו שלענגעל האָט אָנגעשריבן אין צוזאַמענהאַנג מיט די אויבן דערמאָנטע געשעענישן. דער אינהאַלט פונעם ליד איז אַזאַ: טעבענס הייסט די יִדן פאָרן אויף מיזרח; אין אַ צײַט אַרום ענדערט זיך די סיטואַציע אויפן מיזרח־פראָנט; זי ווערט אַזוי געפערלעך פאַר די היטלער־לײַט, אַז טעבענס קומט צו לויפן אין געטאָ און בעט זיך בײַ די יִדן, מען זאָל אים אַרײַנלאָזן אין אַ בונקער 7).

דער לעצטער שריט פון וואַלטער צעזאַר טעבענס כדי פאָרט צו ווירקן אויף די יִדן איז שוין באַקאַנט. ער האָט אויף בראַנדטס באַפעל געפרוּווט אײַנלאַדן דורך דער יודענראַט־פאַרמיטלונג אויף אַ קאָנפערענץ די פאָרשטייערס פון דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן די פאַרבעטונג. אויף דעם האָט זיך געענדיקט טעבענסעס „פרידלעכע" מיסיע.

* * *

אָט אַזוי אַנטוויקלען זיך די געשעענישן און דערנענטערן זיך צום חודש אַפּריל. מען וואָלט געקאָנט אויסרעכענען נאָך עטלעכע מוטיקע קאַמפּסאַקטן, ווי למשל די אַקציע אויפן געביט פון די שאָפּן (לעשנאָ־נאָוואָליפּיע־נאָוואָליפּקע־סמאָטשע) אונטער דער אָנפירונג פון בראָנעק יאַוואָרסקי, ווען עס זענען אָפּגעשלאָגן געוואָרן די צוויי אַרעסטירטע קעמפערס סטאַך און סאַלעק, אָדער די אַקציע פון אָפּשלאָגן פון אַרעסט בראָנעקן גופא. אַזעלכע אַקציעס פלעגן פאָרקומען אין מיטן העלן טאָג. עס וואָלט אָבער געווען נייטיק אָנצוּווײַזן אויף נאָך אַנדערע צווײַגן פון דער טעטיקייט פון די יִדישע קעמפערס אין יענער צײַט, וועלכע דערווײַזן אַז די ווידערשטאַנדבאַוועגונג אין געטאָ איז געווען דער אמתער אַפּוטראָפּס פון די שווער־געפּרוּווטע געטאָ־אײַנוווינערס. עס איז כדאי ווי אַ בײַשפּיל אַרויסצורוקן די באַציִונג פון די יִדישע קעמפערס צו דער פּראָבלעם פון די פאַרוואָרלאָזטע קינדער, אָדער די ליטעראַרישע אָוונטן וואָס זענען אײַנגעאָרדנט געוואָרן סײַ אויפן בערשטער־געביט, סײַ אויף מילע־גאַס. די שטימונג, ווי מיר זעען, איז נישט געווען קיין שטימונג פון טויט. אַ נאָך שטאַרקערע אילוסטראַציע פאַר דער שטימונג זענען די געפילן פון די געטאָ־קעמפערס לגבי די אַנטיפאַשיסטישע וואָפן־חברים פון דער צווייטער זײַט מויער. אין דער הינזיכט איז זייער כאַראַקטעריסטיש דער בריוו צו די „חברים פון יענער זײַט מויער", וועלכן די קאַמפּסיוגנט פון געטאָ האָט אַרויסגעשיקט סוף מאַרץ. דער דאָזיקער בריוו איז אַ מערקווערדיקער דאָקומענט הן אין פּאָליטישער הינזיכט, הן אין הינזיכט פון שטימונג. דער בריוו איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם אָרגאַן פון זוו"מ (פאַרבאַנד פון יוגנטקאַמף, יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון פפ"ר) „וואַלקאַ מלאָדיך" (דער קאַמף פון די יונגע) פון פינפטן אַפּריל 1943.

אינעם בריוו רעדט זיך וועגן דער שלאַכטגרייטקייט פון די יונגע יִדישע קעמפערס, וועגן דעם גלויבן אין דער אויסלייזערישער מיסיע פונעם ראָטן־פאַרבאַנד, וועגן דעם קאַמפבונד מיט דער פּוילישער פּראָגרעסיווער יוגנט.

דאָס איז געווען די שטימונג פון באַוווסטזיניקע אַנטיפאַשיסטישע קעמפערס. אויך די שטימונג פון פּשוטע פאָלקסמענטשן איז געוואָרן אַ קעמפערישע. עס זאָגט אויף דעם עדות דער דאָקומענט „פון אַ שמועס", וואָס איז געפונען געוואָרן אינעם צווייטן טייל פון אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו (רינגעלבלום־אַרכיוו). דאָס איז אַ באַשרײַבונג פון אַ שמועס, וועלכן אַן אַקטיוויסט פון דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט מיט פּשוטע יִדן פון גאַס. אויף דער פראַגע, ווי אַזוי וועט דער יִיד רעאַגירן טאָמער עס הייבט זיך ווידער אָן דאָס כאַפּן אַרויסצושיקן, פאַלט דער ענטפער: „וואָס הייסט, וואָס איך וואָלט געטאָן? דעמאָלט וועט מען נישט דאַרפן קיין שום אַגיטאַציע. איך וואָלט צונויפגעזאַמלט אַלע מײַנע חברים. מיר וואָלטן גענומען העק, שטאַנגען, האַמערס, מיר וואָלטן אַראָפּ אין קעלערס, מיר וואָלטן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין דער וווינונג. זאָלן זיי קומען!... אויב עמעצער פון זיי וועט אַרײַנשטעקן דעם קאָפּ אין צימער, דעמאָלט איז ער שוין מײַנער. צען פון זיי וועלן פאַלן פון מײַן האַק. אפשר וועל איך זײַן דער עלפטער... און פאַר זיי, פאַר אונדזערע יִדישע פּאָליציאַנטן, — קוקט, וואָס איך האָב צוגעגרייט — און ער האָט מיר געוויזן אַ לאַנגן, שטאַרקן גוט אָנגעשאַרפטן מעסער. — זאָל זיי גאָט אָפּהיטן, זיי זאָלן אָנהייבן מיט מיר".

די יִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אויסגענוצט דעם דאָזיקן טיפן קער אין די שטימונגען פון דער מאַסע. עס איז געפירט געוואָרן אַ ברייטע אַגיטאַציע אַרײַנצוציִען פּשוטע מענטשן אינעם קאַמף. עס זענען אַרויסגעלאָזט געוואָרן פלוגבלעטלעך (מיט אַ וועקנדיקן אינהאַלט), ווי למשל דער פּאָפּולערער רוף „צו דיר" (אויף פּויליש).

אין דעם קורצן פלוגבלעטל „צו דיר" ציִען אונדזער אויפ־

---

7) מען גיט איבער אַז נאָך דער מלחמה האָט טעבענס טאַקע נאָכגעטאָן אַ געוויסן אײַנפאַל פון יִדן. ווען מען האָט אים געכאַפּט און געפירט קיין פּוילן, כדי צו שטעלן פאַרן גערכט, האָט ער — פונקט ווי אַ סך יִדן בעת מען האָט זיי געפירט קיין טרעבלינקע — אויסגעריסן אַ ברעט אין וואַגאָן און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון צוג. עס איז אָבער מסתמא זיכער די ידיעה, אַז עס האָבן אים אין דעם געהאָלפן זײַנע אַנגלאָזאַקסישע אַפּוטרופּסים.

מערקזאַמקייט צוויי מאָמענטן: דער רוף צום איינהייטלעכן נאַציאָנאַלן קאַמפספראָנט, און — דער גלויבן אַז דאָס איז אַ קאַמף נישט אויף טויט, נאָר אויף לעבן, אויף לעבן אין היסטאָרישן זין.

אָט אַזוי איז דאָס קעמפנדיקע געטאָ געשטאַנען גרייט. די ענדגילטיקע פיזישע און מאָראַלישע צוגרייטונג איז דערגרייכט געוואָרן אינעם צײַטאָפּשניט יאַנואַר—אַפּריל. דער ענדגילטיקער קאַמף איז אויסגעבראָכן דעם 19טן אַפּריל 1943.

.4

דער אויסבראָך פונעם אויפשטאַנד דעם 19טן אַפּריל

איידער מיר וועלן איבערגיין צו שילדערן די ענדגילטיקע צוגרייטונגען און דעם אויסבראָך פונעם אויפשטאַנד, לאָמיר זיך קורץ אָפּשטעלן אויף דער לאַגע וואָס האָט זיך געשאַפן פאַרן אָקופּאַנט אין וואַרשע, אין הינזיכט פון זײַן זיכערקייט, אין חודש אַפּריל 1943, ערב דעם געטאָ־אויפשטאַנד.

אין חודש אַפּריל האָט זיך די זיכערקייט־לאַגע פאַרן אָקופּאַנט אין וואַרשע נאָך מער פאַרערגערט. די לאַגע איז געוואָרן ממש געשפּאַנט. ווי עס גיט איבער דער הויפּט־ליקווידאַטאָר פון וואַרשעווער געטאָ, דער עס־עס־גענעראַל יורגען סטראָאָפּ, האָט אים דער וואַרשעווער גובערנאַטאָר דערקלערט, האַרט פאַרן אויסבראָך פונעם געטאָ־אויפשטאַנד, אַז „אויב עס גייט וועגן וואַרשע, דאַרף מען גיכער רעדן וועגן אומזיכערקייט און געפאַר איידער וועגן זיכערקייט און געפאַרלאָזקייט". דער גובערנאַטאָר פון וואַרשע, לודוויק פישער, האָט זיך געפילט אויף אַזוי פיל נישט היימלעך, אַז ער האָט באַפוילן אַרומצוריינגלען זײַן גובערנאַטאָרישע רעזידענץ אינעם בריל־פּאַלאַץ, אין סאַמע צענטער שטאָט, מיט שטעכיקע דראָטן. סטראָאָפּ גיט איבער אַז עס איז דעמאָלט נישט געווען קיין טאָג, עס זאָל נישט פאָרקומען אַן אָנפאַל אויף פּאָליציי און ווערמאַכט, אַ סאַבאָטאַזש־אַקט, אַן אונטערצינדונג, אַן אויפרײַס. איינער פון די שאַרפסטע ברענפּונקטן אין וואַרשע איז געווען דאָס געטאָ. „איך האָב זיך אָריענטירט — האָט סטראָאָפּ געענטפערט אויף דעם אָנפרעג־בויגן פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט — אַז די דײַטשע מאַכטאָרגאַנען האַלטן שוין נישט מער דאָס געטאָ אין זייערע הענט". לפי ערך אין יענער צײַט זענען געפאַלן די כאַראַקטעריסטישע ווערטער פון דעם ציוניסטישן יודענראַט־פאָרזיצער ליכטענבוים, וואָס ער האָט געזאָגט די פאָרשטייערס פון דער אָקופּאַנטיש־פּאָליצייִשער מאַכט: „מיר רעגירן שוין נישט מער אין געטאָ; עס הערשט דאָ אַ נײַער בעל־הבית". דער נײַער בעל־הבית פון דער לאַגע אין געטאָ איז געווען די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

די אָקופּאַנטישע מאַכט האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר דער מעגלעכקייט אַז די צוויי ווידערשטאַנד־באַוועגונגען פון ביידע זײַטן געטאָ־מויער זאָלן זיך נישט פאַראייניקן, נישט צונויפגיסן אין איין דינאַמישן כוח. אָט די מורא האָט אויסגעדריקט אין זײַן שמועס מיט סטראָאָפּן, פאַרן אויפשטאַנד, דער גובערנאַטאָר פישער. דעם זעלביקן מאָמענט האָט באַרירט בעת זײַן טרעפונג מיט סטראָאָפּן אין יענער צײַט דער קאָמענדאַנט פון דעם רײַכסווער־גאַרניזאָן אין וואַרשע, גענעראַל ראָסום. עס איז דעריבער נישט קיין ווּנדער, וואָס דער ענין וואַרשעווער געטאָ האָט אַזוי דענערווירט דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק, דעם שעף פון דער פּאָליציי איבער דער גענעראַל־גובערניע קריגערן און דעם רײַכס־זיכערקייטס־הויפּט־אַמט אין בערלין (הימלערן און קאַלטענברונען). עס איז אויך נישט קיין ווּנדער, וואָס אַפילו דער גענעראַל־שטאַב פון דער ווערמאַכט, ובפרט גענעראַל הײַנץ גודעריאַן, און די הויפּט־קאַנצעלאַריע פון דער היטלעריסטישער רעגירונג האָבן זיך אינטערעסירט מיט דער פראַגע פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד. עס זענען אויך פאַראַן געוויסע שפּורן וועגן דעם, אַז דער ראַפּאָרט וועגן דעם דערשטיקן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז דורך הימלערן געוויזן געוואָרן היטלערן אַליין אויפן „פירערס" פאַרלאַנג.

עס איז אויך באַקאַנט אַז דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז שוין נאָך זײַן טראַגיש־העראָיִשן סוף לאַנג קאָמענטירט געוואָרן אין די קרײַזן פון די היטלעריסטישע זיכערקייט־אָרגאַנען און אין די דײַטש־פאַשיסטישע זשורנאַליסטישע ספערעס.

פון דעם אַלעמען איז צו דרינגען אַז די אַפּריל־מײַ־געשעענישן אין וואַרשעווער געטאָ זענען טראַקטירט געוואָרן דורך די היטלער־לײַט זייער ערנסט. די מורא פאַר דער אויסשפּרייטונג פונעם קאַמפספײַער איז געווען גרויס. די שרעק פאַר דער בײַשפּילדיקייט פון אַזאַ פאַרביסענעם געראַנגל איז געווען נישט קיין שפּילעכל אין אַזאַ אומרויִקער שטאָט און נאָך מיט אַזאַ געאָגראַפישער לאַגע ווי וואַרשע. די אינסטרוקציעס פון דער העכערער היטלעריסטישער זיכערקייטס־מאַכט זענען דעריבער געגאַנגען אין דער ריכטונג צו מאַכן אַלע באַמיִונגען, דעם אויפשטאַנד צו לאָקאַליזירן. דעריבער זענען געוואָרפן געוואָרן קעגן די אויפשטענדלערס אַזעלכע גרויסע כוחות. נישט קיין קליינע הילף האָבן די ליקווידאַטאָרן גענאָסן פון דער פּאָזיציע פון דער אָנפירונג פון א"ק, וועלכע האָט אַלץ געטאָן אַז דער אויפשטאַנד זאָל זיך טאַקע נישט אַריבערכאַפּן אויף דער „אַרישער" זײַט, אַז ער זאָל ווערן לאָקאַליזירט און איזאָלירט.

כדי דורכצופירן די מלוכיש־פאַראַנטוואָרטלעכע „מיסיע" פון לאָקאַליזירן און דערשטיקן ווי צום שנעלסטן דעם האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד, אויף וועלכן די היטלעריסטישע מאַכטאָרגאַנען האָבן זיך געריכט — אָנגעלערנט פון די געשעענישן אין די חדשים יאַנואַר און מאַרץ, — האָבן הימלער און קריגער באַשלאָסן צו באַזײַטיקן דעם „שלימזל" זאַמערן, וועלכער האָט צוויי מאָל זיך געמוזט צוריקציִען פאַר די קעמפנדיקע ייִדן, און שיקן קיין וואַרשע אַ דערפאַרענעם און אויף אַלע אכזריותן דעצידירטן עס־עס־פירער. דער אויסוואַל איז געפאַלן אויפן 48יאָריקן עס־עס־בריגאַדע־פירער און פּאָליציי־גענעראַל יורגען סטראָאָפּ, אַ ליבלינג פונעם „רײַכספירער" פון עס־עס אַליין. יורגען סטראָאָפּ, אַן אָפּשטאַמיקער פון אַ משפּחה פון אַלטע קייזערלעכע פּאָליציי־הינט, האָט זיך ביז אַפּריל 1943 געהאַט „אויסגעצייכנט" בײַם ליקווידירן דײַטשע קאָמוניסטן אין טעלמאַנס שטאָט האַמבורג, בײַם אויסראָטן מיט פײַער און שווערד די פּאַטריאָטישע באַוועגונג פון די טשעכן אינעם סודעטן־לאַנד, בײַם פּאַרטיליקן פיזיש אומאָפּהענגיקײַט־קעמפערס אין פּויזנער געגנט, בײַם באַקעמפן (דאָס מאָל מיט ווייניקער דערפאָלג) די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג אין אוקראַיִנע און צפון־קאַווקאַז, בײַם אַרויסהעלפן דעם בלוטיקן תלין פון די ייִדן פון גאַליציע, דעם גענעראַל קאַצמאַן, דורכצופירן אַ רײ ליקווידיר־אַקציעס. צו דעם דאָזיקן סטאַזש פון אַ פאַשיסטישן תלין לאָמיר נאָך צוגעבן די ספּעציעלע קורסן, וואָס סטראָאָפּ האָט אַדורכגעמאַכט אין בערלין, אין הימלערס רײַכס־זיכערקייטס־הויפּטאַמט, און חוץ דעם — די מיליטערישע דערפאַרונג, וואָס ער האָט געהאַט, אָנטיילנעמענדיק סײַ אין די מלחמה־אָפּעראַציעס בעת דעם ערשטן וועלטקריג, סײַ בעתן צווייטן אויפן מיזרח־פראָנט, ווּ ער איז פאַרווּנדעט געוואָרן.

צו הילף האָט סטראָאָפּ געהאַט נאָך צוויי גענעראַלן, וואָס ער

האָט געקענט אין יעדער רגע געניסן פון זייערע עצות. דאָס זענען געווען דער רײַכסווער־גענעראַל ראָסום פון וואַרשע און דער פאָליציי־גענעראַל אָדיל גלאָבאָצניק, וועלכער איז ספעציעל אַראָפגעקומען פון לובלין קיין וואַרשע וועגן איבערנעמען די פאַבריקן און טייל אַרבעטשקלאַפן פון ליקווידירטן געטאָ און וועלכער איז געווען נישט ווייניקער ווי סטראָאָפ געניט אין הלכות פעלקערמאָרד. הגם מען גיט איבער אַז גלאָבאָצניק זאָל זיך האָבן מיט סטראָאָפן צעקריגט אַרום געוויסע קאָמפעטענץ־ענינים און זיך צום סוף אַרויסגעצויגן פון פלאַץ, איז אָבער נישט אויסגעשלאָסן אַז פאַקטיש — עס איז גיכער וואָרשיינלעך — האָט ער אויך געהאָלפן דעם הויפט־ליקווידאַטאָר מיט „ראַט און טאַט”.

סטראָאָפ האָט אין זײַן רשות געהאַט אויסגעשולטע אָפיצירן, וועלכע האָבן אין זייער מערהייט געהאַט הינטער זיך אַ פראָנט־דערפאַרונג. אין זײַן ראַפאָרט שטרײַכט סטראָאָפ אונטער אַז זײַנע חיילות האָבן זיך אין משך פון עטלעכע וואָכן געאיבט און געגרייט צו דער אויפגאַבע פון ליקווידירן דאָס אויפגעשטאַנענע געטאָ. אַ גאַנצער שטאַב עס־עס־גדולים, פאָליציי און געסטאַפאָ־באַאַמטע, דײַטשע פאַבריקאַנטן אאַ״וו האָט זיך כסדר געפונען אין סטראָאָפס נאָענטסטער סביבה. מען האָט אים געגעבן אָפטיילונגען פון וואַפן־עס־עס, פון ווערמאַכט, פון די לאַגער־וועכטערס אין טראַווניק, פון דער פוילישער פאָליציי (אַ גענויע רשימה פון סטראָאָפס חיילות וועט דער לייענער געפינען אין זײַן ראַפאָרט, וואָס געפינט זיך צווישן די דאָקומענטן אין דעם דאָזיקן בוך). די באַוואָפענונג פון די ליקווידאַטאָרן איז געווען אַ מאָדערנע און אַן ערשטקלאַסיקע. אויטאָמאַטיש געווער, פאַנצער־אויטאָס, טאַנקען, האַרמאַטן, פלאַמען־וואַרפערס, עראָפלאַנען, גאַז — אַלץ איז געוואָרפן געוואָרן קעגן דעם הײַפל יִדישע קעמפער, וואָס זענען געווען כמעט אָן וואָפן, אָן אַ פאַכמעניש־מיליטערישער אָנפירונג, אַרומגערינגלט, אויסגעהונגערט, אויסגעמאַטערט, געשטאַנען אויפן קבר פון אייגענעם פאָלק. און דאָך האָט זיך דער אומגלײַכער קאַמף געענדיקט די ערשטע טעג מיט אַ פיזישער און מאָראַלישער מפלה פון די היטלעריסטישע באַוואָפנטע קרעפטן, און דאָך האָבן די קאַמפן געדויערט — אין אַ פאַרשידענעם פאַרנעם — ביז יוני און ווײַטער.

די שלאַכטן האָבן זיך אָנגעהויבן אויפן יסוד פון די פלענער וואָס זענען פון פאָרויס באַאַרבעט און צוגעגרייט געוואָרן בײַ ביידע קעמפנדיקע צדדים.

ווען גענעראַל סטראָאָפ איז דעם 17טן אַפריל אָנגעקומען קיין וואַרשע, האָט שוין עקסיסטירט אַ פאַרטיקער פלאַן פון אָנגריף אויפן געטאָ, באַאַרבעט דורך דעם ביזאַיצטיקן עס־עס־ און פאָליציי־פירער פון וואַרשעווער דיסטריקט זאַמערן. עס איז נישט קלאָר באַוווּסט, צי סטראָאָפ האָט תיכף געדאַרפט איבערנעמען די אָנפירונג אויף זאַמערנס אָרט, צי ער האָט אים נאָר געדאַרפט אַרויסהעלפן אין אַן עת צרה. אַלן פאַלס די אַקציע האָט אָנגעהויבן זאַמערן ,וועלכער — ווי עס גיבן איבער עדות — האָט זיך דעמאָלט געפילט שלעכט, ער האָט געליטן אויף רעוומאַטיזם. אָבער מיר פאַרשטייען אַז דאָס איז געווען אַ תירוץ, אַז זײַן שלעכטער צושטאַנד האָט זיך מסתמא גענומען פון מורא, עס זאָלן זיך נישט איבערחזרן די געשעענישן פון די שטורמישע חדשים יאַנואַר און מאַרץ.

זאַמערנס פלאַן האָט אויסגעזען לפי ערך אַזוי: אַרומרינגלען די געטאָ־מויערן, איבעררײַסן יעטוועדער קאָמוניקאַציע מיט דער „אַרישער” זײַט און דורכפירן אַ געוויינטלעכע בלאָקאַדע, אַ כאַפערײַ („לאַפאַנקע”) און אַ „פאַציפיקאַציע”. דעריבער האָט זאַמערן דעם 19טן אַפריל 6 אַ זייגער אין דער פרי גענומען אַרײַנפירן זײַנע חיילות אויף די הויפט־אַרטעריעס פון געטאָ, אויף נאַלעווקעס און זאַמענהאָף־גאַס, דאָ אויסגעשטעלט די אָפטיילונגען און געהאַט בדעה פון דאַנען אָנצוהייבן די כאַפערײַ און די שחיטה. איינצײַטיק האָט זאַמערן נישט רעזיגנירט אויך פון די פריִערדיקע מעטאָדן פון דיווערסיע און שווינדל און דורך די פאַבריקאַנטן וואַלטער צעזאַר טעבענס און ק. נ. שולץ און זייערע יִדישע יוצר־משרתים ווײַטער געפרוּווט אָנרעדן די יִדן זיך צו שטעלן פרידלעך צום טראַנספאָרט.

ווי מיר זעען, האָט זיך זאַמערנס טאַקטיק באַזירט אויף די אַלטע מעטאָדן, וועלכע זענען געווען דער יִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע גוט באַקאַנט, און דעריבער האָט דער שטאַב פון די יִדישע קעמפער געקאָנט בײַ צײַטנס צוגרייטן אַ קעגנטאַקטיק, וואָס האָט פאַראַליזירט זאַמערנס פלאַן.

דער פלאַן פונעם שטאַב פון די יִדישע אויפשטענדלערס האָט געמוזט נעמען אין אַכט נישט נאָר זאַמערנס עווענטועלן פלאַן און נישט בלויז די נויטווענדיקייט אויסצומײַדן אַן אומגעריכטן אָנפאַל; דער אויפשטאַנדשטאַב האָט זיך געמוזט רעכענען קודם־כל מיט די באַדינגונגען פונעם געטאָ, מיטן ספעציפישן פלאַצדאַרם, מיט דער שמאָלקייט פון די גאַסן וכדומה. אמת, די שמאָלקייט פון די גאַסן האָבן געהאַט די מעלה, וואָס זי האָט אוממעגלעך געמאַכט, עס זאָלן קאָנען זיך לײַכט באַוועגן דעם שונאס טאַנקען; די ספעציפישע באַדינגונגען פון אַ שטאָטראַיאָן האָבן באַשווערט די אַרבעט פון די ליקווידאַציע־אָפטיילונגען, וואָס זענען געווען מער אײַנגעאיבט אין קאַמפן קעגן פאַרטיזאַנערס אויפן פעלד, אויף וועגן, אין וועלדער. די אַלע מאָמענטן האָבן געקאָנט באַשווערן דעם שונאס אָפטיילונגען צו מאַנעווורירן. אָבער די זעלביקע מאָמענטן האָבן אויך פאַרמאָגט אַ חסרון פאַר די אויפשטענדלערס, ווײַל זיי האָבן נישט דערלויבט צו אַנטוויקלען אויף אַ לענגערער צײַט גאַסנקאַמפן, בפרט אַז דער שטאַב האָט געוווּסט אַז דער קעגנער איז בכוח אַרײַנצופירן אין קאַמף שווערע געווער און אפילו אַוויאַציע, וועלכע קאָנען צעשמעטערן יעטוועדער באַריקאַדע. דער אויפשטאַנדשטאַב האָט פאַרשטאַנען אַז עס זענען אַוועק די צײַטן פון אָפענע באַריקאַדע־קאַמפן; אַ באַריקאַדע קאָן שטיין פעסט קעגן ביקסן־ און מאַשין־געווער־פײַער, אָבער זי וועט נישט אויסהאַלטן דעם אָנגריף פון אַרטילעריע, ובפרט פון טאַנקען און באָמבאַרדיר־עראָפלאַנען.

דעריבער האָט דער שטאַב פון דער יִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אין זײַן פלאַן גענומען קודם־כל אין אַכט די שטיצפונקטן אין גרויסע הײַזער אויף די ראָגן פון די גאַסן און די ערטער וווּ דעם שונאס קאָלאָנעס וועלן אַרײַנמאַרשירן, למשל אויף ראָג נאַלעווקעס און גענשע, אויף ראָג זאַמענהאָף און מילע, אויף ראָג מוראַנאָוו און נאַלעווקעס אאַ״וו. איינצײַטיק מיט די דאָזיקע פאָזיציעס איז אויסגעבויט געוואָרן אַ גאַנצע פאַרטיידיקונגס־סיסטעם אונטער דער ערד. בכלל דאַרף געזאָגט ווערן אַז אין משך פון לאַנגע חדשים האָט די געטאָ־באַפעלקערונג געבויט אונטערערדישע בונקערס. עס איז אונטער דער ערד אַנטשטאַנען אַ גאַנצע שטאָט. דאָ האָט זיך געדאַרפט באַהאַלטן די ציווילע באַפעלקערונג און אַזוי אַרום שטעלן אַ פאַסיוון ווידערשטאַנד, נישט גיין צום טראַנספאָרט. אין אָט דער אונטערערדישער שטאָט האָט די יִדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אויפגעשטעלט אויך אירע בונקערס, אירע באַזעס און אַרסענאַלן. די ריזיקע סיסטעם פון די אונטערערדישע בונקערס, דורכגענג און טונעלן, וואָס טייל פון זיי האָבן אויך געפירט צו

קאַנאַלן־אַרויסגעגנג אויף די „אַרישע" גאַסן, איז געווען די באַזע, דאָס הינטערלאַנד פון די אויפשטענדלערס.

אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אָט דער קאָמבינירונג פון אויף־דער־ערד־פּאָזיציעס און פון אונטער־דער־ערד־באַזעס, האָט דער אויפשטאַנדשטאַב פון פאָרויס אויפגעשטעלט אַ פּלאַן פון צוויי פאַזעס פון קאַמף: די ערשטע פאַזע פון קעמפן אויף דער ערד־אייבערפלאַך, פון אַטאַקעס פון דעכער, בוידעמס, הינטערן פענצטער, פון טויער וכדומה; און די צווייטע פאַזע — פּלוצעמדיקע אָנפאַלן אויפן שונא פון די אונטערערדישע באַפעסטיגונגען אַרויס, וועלכע ווערן אין די דאָקומענטן פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אָנגערופן— פּאַרטיזאַנישע טאַקטיק. ביידע פאַזעס האָבן אײַנגעשלאָסן אין זיך אויך בונקער־פאַרטיידיקונגען, אין וועלכע האָבן זיך געדאַרפט און געקאָנט באַטייליקן נישט בלויז די רעגולערע ייִדישע קאַמפּסגרופּעס, נאָר אויך די ברייטערע מאַסע פון דער באַפעלקערונג. וואָרעם לאָמיר נישט פאַרגעסן אַז נישט יעדער האָט געהאַט די פולע מעגלעכקייט אַרײַנצוטרעטן אין דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דאָס אַרײַנטרעטן אין „זשאָב" איז געווען פאַרבונדן קודם כל מיט קאָשאַרירונג, מיט פולשטענדיקן איבעררײַסן מיט דער משפחה. די וואָס האָבן אויף אַזאַ שריט נישט געקאָנט גיין און פון דעסט וועגן האָבן זיי געוואָלט קעמפן, האָבן זיך אָפט אָרגאַניזירט אין בונקער־גרופּעס. שכנים האָבן זיך צונויפגעלייגט געלט, אײַנגעקויפט אויף דער אייגענער האַנט געווער און אויסגעוויילט אָן אָנפירונג פון זייער גרופּע, בונקער, אָדער פאַך־געזינדל. אַזוי אַרום זענען אויפגעקומען אַ סך לויזע קאַמפּסגרופּעס ,וואָס האָבן זיך געפונען אין דער אײַנפלוס־ספערע פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אָבער זענען נישט געווען מיט איר געבונדן אָרגאַניזאַציאָנעל. אָט דער אָנטייל פון די פאַרשידענע לויזע גרופּעס, וואָס געוויסע פון זיי זענען געווען אפילו צאָלמעסיק גענוג גרויס און נישט שלעכט באַוואָפנט, האָט שטענדיק אונטערגעשטראָכן דעם מאַסן־כאַראַקטער, דעם אַלפאָלקישן פאַרנעם פון דעם אויפשטאַנד. אָבער עס איז מער ווי פאַרשטענדלעך אַז אָן דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט סײַ אָנגעהויבן און אויסגעטראָגן די הויפּטלאַסט פון די קאַמפן, סײַ מיטגעריסן מיט איר בײַשפּיל די בונקער־גרופּעס, די לויזע גרופּעס, — אָן דעם, וואָלט קיין אויפשטאַנד נישט געווען.

די שלאַכט־טעטיקייט פון די לויזע גרופּעס פאַלט אויס ס׳רוב אויף דער צײַט פון דער צווייטער פאַזע פונעם אויפשטאַנד.

עס איז געווען אויך אַ דריטע פאַזע — די צײַט פון די קאַמפן פון די א״ג חורבות־גרופּעס, שוין בעת דער גסיסה פון די שלאַכטן, אָבער וועגן דעם וועט אויסקומען צו רעדן שפּעטער.

מיר ווייסן נישט גענוי, צי די אַלע כוחות זענען פולשטענדיק גענומען געוואָרן אין אַכט אינעם סטראַטעגישן פּלאַן פון דעם „זשאָב"־שטאַב. איינס איז אָבער קלאָר: דער פּלאַן האָט גענומען אין באַטראַכט די קאָמבינירונג פון די אָנגריף־ און פאַרטיידיקונג־פּונקטן סײַ אויף דער ערד־ אייבערפלאַך, סײַ אונטער דער ערד, און האָט געהאַט אין דער פּערספּעקטיוו סײַ לאַנגדויערנדיקע קאַמפן אין געטאָ גופא (בײַם באַדינג פון באַקומען גענוגנדיקע זאַפּאַסן געווער פון דער „אַרישער" זײַט), סײַ די מעגלעכקייט דערנאָך זיך אַרויסצורײַסן אויף אויסן, כדי — נאָכן דערפילן דעם חוב אין געטאָ — קאָנטינויִרן דעם ווידערשטאַנד אין די רייען פון דער פאָלקסגוואַרדיע אין וואַלד אָדער אויף אַנדערע פּלאַצאַרמען.

דער שטאַב פון דעם אויפשטאַנד האָט נישט פּלאַנירט זײַן טעטיקייט ווי אַן איזאָלירטע דערשײַנונג. דער סטראַטעגישער פּלאַן איז קאָאָרדינירט געוואָרן מיט דער אָנפירונג פון דער פאָלקסגוואַרדיע. עס איז דאָ אַ גענוגנדיקער גרונד צו מיינען אַז די שפּעטערדיקע סאָלידאַרישע קאַמפּס־אַרויסטריטן פון די פּוילישע פּראָגרעסיוו־פּאַטריאָטישע גרופּעס זענען געווען, פון זייער זײַט, אויך קאָאָרדינירט מיט די קאָמאַנדירן פון די ייִדישע אויפשטענדלערס. אַזוי אַרום איז סײַ מצד די ייִדישע קעמפּערס, סײַ מצד דער פאָלקסגוואַרדיע געווען דער בפירושער ווילן אַרויסצורופן אַ פײַער פון אַקטיוון באַוואָפנטן קאַמף אויך אין די פּוילישע וווינראַיאָנען. דער באָדן איז געווען דערצו אין אַ געוויסן זין רײַף, אָבער די פאַרברעכערישע טאַקטיק פון די אַמעריקאַניש־ענגלישע רעאַקציאָנערע קרײַזן, פון דער לאָנדאָן־אָריענטירטער דעלעגאַטור און פון דער א״ק־אָנפירונג האָט פּאַראַליזירט און צו נישט געמאַכט אָט די גלענצנדיקע מעגלעכקייט, האָט פאַרלאָשן דעם פלאַם און דערמיט אויך צוגעיאָגט די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פונעם אויפשטאַנד אין געטאָ.

צוריקקערנדיק זיך צום סטראַטעגישן פּלאַן פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, דאַרף מען באַטאָנען אַז אַ דאַנק דעם פּלאַן איז דער ערשטער אָנגריף פון זאַמערנס אָפּטיילונגען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָפענער מפּלה פון די אַרײַנדרונגענדיקע היטלעריסטישע חיילות, און דער טערמין פון דרײַ טעג, וועלכן דער דײַטשער פּאָליציייִשער שטאַב האָט באַשטימט מיט זעלבסטזיכערקייט אויף ליקווידירן דאָס געטאָ, האָט געפּלאַצט תיכף דעם 19טן אַפּריל 6 אַ זייגער אין דער פרי.

אין אָט דער שעה האָט זאַמערן אַרײַנגעפירט זײַנע באַוואָפנטע כוחות דורך דעם צענטראַלן טויער אויף נאַלעווקעס און זיי צעטיילט אין צוויי קאָלאָנעס. איין קאָלאָנע האָט זיך געדאַרפט פאַרהאַלטן אויף נאַלעווקעס מיטן ציל צוצוטרעטן צו בלאָקאַדעס פון הײַזער און צו כאַפּערײַ; דער צווייטער טייל איז אַרײַן אויף זאַמענהאָף־גאַס — אין שפּיץ זענען געפאָרן מאָטאָציקליסטן, צוויי טאַנקען און אַ פּאַנצער־אויטאָ, הינטער זיי — לאַסטאויטאָס מיט פוסגייער, און צום סאַמע סוף — אַמבולאַנסן פון רויטן קרייץ. מיט דער אַקציע האָט אָנגעפירט פּערזענלעך פּאָלקאָווניק זאַמערן מיטן אָנטייל פון די באַטאַליאָנען־קאָמאַנדירן אָבערשטורמפירער בעלוויד, הויפּטשטורמפירער פּלענק, פּאָליציי־מאַיאָר שטערנהאַגעל, פּאָליציי־קאַפּיטאַן ציזעניס, שטאַבשעף יעזויִטער און שעף פון דער זיכערקייט־פּאָליציי ד״ר האַהן. דורך ספּעציעל אַראָפּגעבראַכטע מעגאַפאָנען האָט מען אויפגעפאָדערט די ייִדן אַרויסצוגיין פון די באַהעלטענישן און זיך שטעלן צום טראַנספּאָרט. אָבער אָנשטאָט אָנקוקן פרײַוויליקע ייִדן, זענען די היטלערישע חיילות אַטאַקירט געוואָרן אין צוויי ערטער — אויף ראָג נאַלעווקעס און גענשע און אויף זאַמענהאָף פאַר דעם יודענראַט־בנין (דאָרטן ווו עס שטייט אַצינד דער דענקמאָל) — מיט אַ האָגל פון קוילן, גראַנאַטן און אָנצינדפלעשער. ווי עס שטעלן פעסט סײַ דײַטשע, סײַ ייִדישע, סײַ פּוילישע עדי־ראיה, איז אויסגעבראָכן אין די דײַטשע רייען אַ פּאַניק, זיי זענען צוריקגעוואָרפן געוואָרן בכלל פון געטאָ.

דער פאַרלויף פון דער ערשטער שלאַכט אויף נאַלעווקעס איז געווען אַזאַ: די ייִדישע קאַמפּסגרופּעס אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמאַנדירן זכריה אָרטשטיין, העניעק זילבערבערג און לייב ראָטבלאַט האָבן פאַרנומען די פּאָזיציעס בײַ די פענצטערס, אויף די באַלקאָנען און אין די בוידעמס פון די הײַזער נאַלעווקעס 31 און גענשע 2 (אויפן ראָג פון די גאַסן), נאַלעווקעס 33, 35 און 37 און אין דער פאַבריק פון דײַטש ברויער קעגן איבער (ראָג נא־

לעווקעס און פראַנציסקאַנער). די דײַטשע קאָלאָנע, וואָס איז אָנגעקומען פון דער זײַט פונעם געטאָ־טויער, האָט פּיערלעך געזונגען אַ מאַרש. די פּלוצעמדיקע אַטאַקע פון די ייִדן איז געווען אַזוי אומגעריכט און שטאַרק, אַז די שונאים זענען זיך אין גאַנצן צעלאָפן, איבערלאָזנדיק אויפן ברוק טויטע און פאַרוווּנדעטע. די ייִדישע קעמפער זענען אַרויסגעלאָפן און נאָכגעשאָסן די אַנטלויפנדיקע.

עס איז זיך לײַכט פאָרצושטעלן די אומגעהערטע פרייד, וואָס האָט באַהערשט די ייִדישע בחורים און מיידלעך.

די היטלערישע אָפיצירן פון דער צעקלאַפּטער קאָלאָנע האָבן דערווײַל אַליאַרמירט זאַמערן אַז זיי געפינען זיך אין אַ קלעם. עס איז תיכּף אָנגעקומען הילף. די דײַטשן האָבן זיך געלאָזט אין אַן אַטאַקע. זיי האָבן, אָבער מורא געהאַט זיך צו רוקן פאָרויס, נאָר זענען געשטאַנען מיט די פּלייצעס אין אינעווייניקסטן געטאָ־טויער און באַשאָסן די אויפשטענדלער, וועלכע האָבן אָבער געהאַט אַ באַקוועמערע פּאָזיציע — זיי זענען געשטאַנען הינטער פענצטערס און אויף דעכער. די קעגנזײַטיקע שיסערײַ האָט געדויערט קנאַפּע צוויי שעה. אין רעזולטאַט זענען די דײַטשן געצווּנגען אָפּצוטרעטן. די אויפשטענדלער זענען אַרויס אויף דער גאַס און צוגענומען די היטלעריסטישע פּגרים די מונדירן, העלמען און געווער.

דער זייגער איז שוין געווען אַכט.

קורץ נאָך זעקס, דאָס הייסט — אַ ביסל נאָך דעם ווי עס איז אויסגעבראָכן די שלאַכט אויף נאַלעווקעס, האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ צווייטער קאַמף אויף זאַמענהאָף אַנטקעגן דער יודענראַט־געביידע. פון דעם הויז זאַמענהאָף 37 איז זאַמערנס צווייטע קאָלאָנע באַשאָסן געוואָרן דורך די ייִדן, און ווען די קאָלאָנע האָט זיך, אַ דאַנק די טאַנקען וואָס זענען געפאָרן פאָרויס, דורכגעריסן, זענען זיי בײַם צונויפקום פון די גאַסן מילע־זאַמענהאָף גענומען געוואָרן אין אַ פײַער־קעסל. פיר ייִדישע קאַמפּסגרופּעס, וואָס האָבן דאָ געלויערט אויפן שונא, אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמאַנדירן אהרן ברוסקין (פּײַוועל), לייב גרוזאַלץ, מרדכי גראָוואַס און בערל ברוידע, האָבן באַוואָרפן די דײַטשן מיט „מאָלאָטאָוו־קאָקטיילס" גראַנאַטן, קוילן און וואָרשיינלעך אויך פון אַ מאַשין־פּיסטאָלעט. אַ פעסטער שלײַדער האָט געטראָפן אין ערשטן טאַנק, וועלכער איז תיכּף אַרומגענומען געוואָרן מיט פלאַמען; די גאַנצע מאַנשאַפט איז פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט. די אַנדערע צוויי טאַנקען פאַרדרייען שנעל דעם דישל און ציִען זיך צוריק. די בהלה אין די רייען פון די עס־עס־לײַט איז נישט צו באַשרײַבן. זיי לויפן און פאַרשטעקן זיך אין דערבייִיקע טויערן און קראָמענלעכער. יעדער פּרווו אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ רופט אַרויס אַ האָגל פון קוילן מצד די אויפשטענדלער, און בײַ די לעצטע איז ששון ושמחה. אויפן ברוק וואַלגערן זיך דערהרגעטע עס־עס־לײַט און טראַוווניק־וועכטער און זייערע פאַרוווּנדעטע קאַמעראַדן, וואָס שרײַען מיט באַנומענע קולות. אויף דער זײַט פון די ייִדישע קעמפער איז פאַראַן נישט מער ווי איין קרבן.

עס איז געווען קלאָר — און דאָס זענען מודה אַלע דײַטשע קוועלעס — אַז די מפּלה פון די היטלעריסטישע פאָלקסמערדערס איז געווען אַ בולטע און אַ וויסטע. „זאַמערן איז געווען — ווי עס גיט איבער סטראָאָפּ — אין גאַנצן דערשלאָגן און צעמישט. אין אַזאַ צושטאַנד האָט ער זיך געמאָלדן צו סטראָאָפּן, וואָס האָט זיך נאָך געפונען אין האָטעל, און אַ פאַרצווייפלטער געבעטן אַן עצה. זאַמערן האָט לכתּחילה געוואָלט אַליאַרמירן קראָקע און פאַרלאַנגען עראָפּלאַנען צו באָמבאַרדירן דאָס געטאָ, וואָס געפינט זיך אין גאַנצן אין די הענט פון די אויפשטענדלער". דער מער דערפאַרענער סטראָאָפּ איז נישט מסכּים געווען אויף אַזאַ אויסוועג, וואָס וואָלט, פאַרשטייט זיך. תיכּף אַנטבלויזט פאַר דער גאַנצער וועלט די אָנמעכטיקייט און מפּלה פון די דײַטשן. ער האָט תיכּף באַזײַטיקט דעם פאָלקאָווניק זאַמערן פון דער אָנפירונג און איז אַוועק אויפן שלאַכטפעלד, איבערנעמענדיק אַרום 8 אַ זייגער אין די אייגענע הענט די לייטונג, און אויפן אָרט באַאַרבעט אַ נײַעם אָנגריפפּלאַן. סטראָאָפּ האָט פאַרשטאַנען אַז די אַלטע כאַפּערײַ־מעטאָדן טויגן נישט אין דער נײַער סיטואַציע, האָט ער דעריבער באַשלאָסן קום־כּל אַרײַנצונעמען דאָס גאַנצע צענטראַלע געטאָ אין צוואַנגען דורך זײַנע קאָלאָנעס, באַהערשן די צוויי הויפּט־אַרטעריעס פון געטאָ (זאַמענהאָף און נאַלעווקעס), צעטיילן און איבערגרופּירן די אייגענע כּוחות און וואַרפן זיי אויף באַזונדערע ייִדישע שטיצפּונקטן און שטרעבן אַרײַנצושטויסן דעם ווידערשטאַנד אויף אַלץ שמעלערע ערטער, כּדי דערנאָך מיט איין קאָנצענטרירטן זעץ צעקלאַפּן דעם קעגנער שטופנווײַז. ווי ווידערשטאַנד־פּונקטן אויף לעשנע און די שכנותדיקע גאַסן און אינעם בערשטער־געביט אויף שוויענטאָיערסקע האָט ער דערווײַל געלאָזט צו רו, טאַקע כּדי נישט צו צעברעקלען די אייגענע קרעפטן.

כּדי צו ווײַזן די אייגענע צעטומלטע און דערשראָקענע אָפיצירן און סאָלדאַטן אַ פּערזענלעכן בײַשפּיל פון מוט, האָט זיך סטראָאָפּ אַוועקגעזעצט אויף אַ סלופּ אונטער אַ בוים פאַר דער געביידע פון יודענראַט און דאָ אַרויסגעגעבן די באַפעלן, נישט געקוקט אויף די סווישטשענדיקע קוילן פון די פאַרטײַעטע אויפשטענדלערס און אויף די תּחנונים פון דער אייגענער סוויטע, ער זאָל אַוועקגיין פון געפערלעכן פּלאַץ. סטראָאָפּ האָט אַלץ אײַנגעאָרדנט אין אַ פראָנט־סדר — אַ שטאַב (אויף זשעלאַזנע), אַ קאָמענדאַנט פון פּלאַץ, אַ אָרדענונג פון טאָג־טעגלעכע ראַפּאָרטן. ער האָט געבעטן הילף בײַ דעם רײַכסווער־גאַרניזאָן און, נאָכן פאַרטרײַבן מיטן כּוח פון אַ פאַרשטאַרקטן פײַער די ייִדישע קעמפערס פון זאַמענהאָף אַנטקעגן דעם יודענראַט־בנין, האָט ער אָרגאַניזירט אַרום 12 אַ זייגער אַ נײַעם שטורעם־אָנגריף אויף די ייִדישע קאַמפּספּאָזיציעס אויף נאַלעווקעס. סטראָאָפּ טרעט אָבער צו פאָרזיכטיקער צו דער אָפּעראַציע ווי זײַן פאָרגייער זאַמערן. ער וויל מיט אַלע כּוחות געווינען די נאַלעווקעס־אַרטעריע. דעריבער פירט ער אַרײַן זײַנע כּוחות פון צוויי ערטער: פון דער מערב־זײַט פון גענשע־גאַס און פון דער צפון־זײַט פון מוראַנאָווער פּלאַץ (ווו עס קומען שוין אויך פאָר קאַמפן, וועגן וועלכן עס וועט באַלד זײַן אַ רייד). אָנגעלערנטע פון פריִער, מאַרשירן שוין נישט די היטלעריסטישע חיילות אין אַ צונויפגעפּרעסטער קאָלאָנע, אין וועלכער עס קאָנען לײַכט טרעפן דעם קעגנערס קוילן, נאָר אין טיראַלערישן סדר, שאַרנדיק זיך בײַ מויערן און טיילווײַז הינטער דער דעקונג פון טאַנקען. אויף עק פראַנציסקאַנער שטעלן אויף סטראָאָפּס מענטשן אַ באַריקאַדע פון מאַטראַצן, און אַזוי אַרום פאַלט איצט דער פײַער אויף די אויפשטענדלערישע פּאָזיציעס פון דרײַ זײַטן. די לאַגע פון די ייִדישע קעמפערס ווערט וואָס ווײַטער אַלץ שווערער, בפרט אַז עס גייט זיי אויס די אַמוניציע, און דאָס איינציקע געווער בלײַבן די אָנצינדפלעשער. נישט געקוקט אויף דעם, שטעלן זיי אַ האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד, איבערטראָגנדיק זיך פון בוידעם צו בוידעם. אין לויף פון אומגלײַכן קאַמף געלינגט זיי פון דעסט וועגן צו צעשטערן דעם שונאס באַריקאַדע. און ערשט ווען די דײַטשן פאַרנעמען אַ באַקוועמע באַשיסונגס־פּאָזיציע אין די הײַזער נומער 12 און 14 פון גענשע־גאַס און זיי ציִען אַרײַן אין קאַמף עראָפּלאַנען, ערשט דעמאָלט זענען די ייִדישע קעמפערס

געצווּנגען צו פאַרלאָזן דעם פּלאַץ און זיך צוריקציִען אויף הינער־גאַס (געוועזענע מיַיזעלס־גאַס). פאַרן פאַרלאָזן די צעשטערטע פּאָזיציעס באַשליסן די אויפשטענדלערס חרוב צו מאַכן דעם גרויסן דיַיטשן מאַגאַזין אויף נאַלעווקעס 33, ווּו עס איז אָנגעזאַמלט אַ סך אָנגערויבטע האָב און גוטס פון ייִדן. דער מאַגאַזין ווערט געלאָזט מיטן רויך.

זעקס שעה האָט געדויערט דער קאַמף אויף נאַלעווקעס. דער שונא האָט געהאַט שווערע פאַרלוסטן. מצד די ייִדן זענען אויך געווען אַ סך קרבנות, צווישן אַנדערע זענען דאָ געפאַלן דער קאָמאַנדיר פון אַ פפ״רישער קאַמפּסגרופּע העניעק זילבערבערג און די העלדישע קעמפערין תמר.

סטראָאָפּ האָט גענומען אַ בלוטיקע נקמה פאַר דער מפּלה אויף נאַלעווקעס. אַריַינריַיסנדיק זיך אין ייִדישן שפּיטאָל אויף גענשע 6, האָבן די דיַיטשע פּאַשיסטן דורכגעפירט אַ גרויליקן מאַסנמאָרד איבער די קראַנקע און מעדיציניש פּערסאָנאַל. דער דאָזיקער פּערסאָנאַל האָט פריִער, בעת די קאַמפן, געגעבן אַ סך הילף די קעמפנדיקע ייִדישע גרופּעס.

אָבער מיט דעם האָט זיך נישט געענדיקט סטראָאָפּס צרות דעם ערשטן טאָג פונעם אויפשטאַנד. עס האָט שוין דעמאָלט געפלאַקערט אַ דריטער פּונקט פון קאַמף — אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ, עק נאַלעווקעס.

אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ האָבן זיך געפונען אין עטלעכע פּונקטן ייִדישע קאַמפּסגרופּעס. ווי עס דרינגט אַרויס הן פונעם באַריכט פון די ערשטע קאַמפן לויטן „זשעגאָטאָ״־ביולעטין, הן פון גביות עדות, האָבן אין די היַיזער און בונקערס פון מוראַנאָווער פּלאַץ די קעמפערס אַדורכגעפירט אין דער נאַכט פון 18טן אויפן 19טן אַפּריל אַ מין מאָביליזאַציע פון אַלע וואָס האָבן פאַרמאָגט עפּעס געווער. די ערשטע צוזאַמענשטויסן מיטן שונא האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן, לויט אַלע שפּורן, באַלד אין דער פרי. די ייִדישע קאַמפּס־פּאָזיציעס אויף מוראַנאָוו, עק נאַלעווקעס, זענען געווען דער דריטער צענטראַלער שטיצפּונקט, וואָס אין איינעם מיט די פּאָזיציעס אויף נאַלעווקעס עק גענשע און אויף זאַמענהאָף האָבן זיי געשאַפן אַ מין קאַמפּס־גרייטן דריַיעק קעגן די אָפּטיילונגען פונעם שונא. הגם אויף מוראַנאָווער פּלאַץ זענען חוץ די גרופּעס פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויך געווען לויזע קאַמפּס־גרופּעס, איז אָבער ערב די געשעענישן די געמיינזאַמע פּאַרטיידיקונג פון גאַנצן דריַיעק לויט אַלע וואָרשיַינלעכקייטן, ווי מען קאָן זיך משער זיַין פון געוויסע גביות עדות, קאָאָרדינירט געוואָרן. פון די צוזאַמענשטויסן, וואָס זענען אויסגעבראָכן באַלד אין דער פרי, איז באַקאַנט דאָס אַריַינגאַרן דורך אַ קעמפער־גרופּע אין טויער אַריַין פונעם הויז נאַלעווקעס עק מוראַנאָוו אַ צאָל „אַסקאַרן״ 1) און דאָס אויסראָטן זיי ביז איינעם. אין גיכן איז אָנגעקומען אויפן זעלביקן פּונקט, ווי עס גיבן איבער צוויי עדי־ראיה, אַ קאַמפּסגרופּע פון מילע־גאַס, און די דאָזיקע גרופּע האָט אויפגעהאָנגען אויפן הויכן הויז אויפן ראָג די וויַיס־רויטע פאָן פונעם אויפשטאַנד.

וואָס עס איז געשען אויף דעם דאָזיקן פּלאַצדאַרם ביז 4 אַ זייגער נאָך מיטאָג, איז אונדז נישט באַוווּסט. מען דאַרף זיך משער זיַין אַז סטראָאָפּס חיילות, וואָס זענען דורך דאַנען געגאַנגען לענגויס די נאַלעווקעס כדי צו אַטאַקירן צוזאַמען מיט אַנדערע אָפּטיילונגען די ייִדישע פּאָזיציע אויף נאַלעווקעס עק גענשע, זענען באַשאָסן געוואָרן דורך די ייִדישע קעמפערס פון מוראַנאָווער פּלאַץ, וועלכע האָבן פאַרנומען זייערע שיספּונקטן אויף די דעכער און בוידעמס.

אַרום פיר אַ זייגער, נאָך דעם ווי דער ווידערשטאַנד אויף נאַלעווקעס עק גענשע איז איַינגעבראָכן געוואָרן, איז אַריַין אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ דעם שונאס אַ גרעסערע קאָלאָנע אונטערן צודעק פון טאַנקען, און גענומען אַטאַקירן מיט פיַיער די ייִדישע אָנשפּאַרפּונקטן. סטראָאָפּ האָט אָבער אָנגעטראָפן דאָ אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד און האָט געמוזט קאָנצענטרירן אויף דעם אָרט אַ סך כוחות. די קאַמפן זענען דאָ געווען פאַרביסענע און לאַנגדויערנדיקע, ווי באַלד אַן עדות, וואָס האָט זיך אין דער זעלביקער צייַט געפונען אויף זאַמענהאָף־גאַס אויף אַ בוידעם, גיט איבער אַז ער האָט געזען ווי דער מוראַנאָווער פּלאַץ איז פול מיט עס־עס־לייַט, ווי זייערע גיכע־הילף־קאַרעטעס לויפן הין און צוריק, און ער האָט געהערט פון דאָרטן אַן אומאויפהערלעכע שטאַרקע קעגנזיַיטיקע שיסעריַי. די אויפשטענדלערס האָבן דאָ אויך פאַרמאָגט אַ קוילן־וואַרפער, וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ דאַך פונעם הויז מוראַנאָווסקע 7. אַ דאַנק אָט דעם קוילן־וואַרפער האָבן די אויפשטענדלערס געהאַלטן די דיַיטשן אין שפּאַנונג ביז 8 אַ זייגער אין אָוונט. דער קוילן־וואַרפער האָט, ווי עס דריקט זיך אויס אַן עד־ראיה, דאָמינירט איבערן גאַנצן מוראַנאָווער פּלאַץ. די דיַיטשן זענען, ווי עס דרינגט אַרויס פון סטראָאָפּס ראַפּאָרט צו קריגערן, עטלעכע מאָל געגאַנגען אין שטורעם־אָנגריף, זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט אָנכאַפּן דעם קעגנער, וואָס האָט זיך פלינק איבערגעטראָגן דורך די דעכער און בוידעמס פון אָרט צו אָרט. אויפן דאַך האָבן געפלאַטערט די פענער פונעם אויפשטאַנד, וועלכע האָבן זייער שטאַרק אויפגערעגט דעם היטלעריסטישן גענעראַל, ווי ער שטריַיכט עס אונטער אין זיַין ראַפּאָרט.

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט זענען די קאַמפן איבערגעריסן געוואָרן. די שלאַכט אויף מוראַנאָוו האָט סטראָאָפּ דעם ערשטן טאָג פונעם אויפשטאַנד פאַרשפּילט. ער וועט זי קאָנטינויִרן מיט מער פאַרביסנקייט אויף צו מאָרגנס.

דעם ערשטן טאָג פונעם אויפשטאַנד זענען פאָרגעקומען נישט בלויז שלאַכטן אויף דער ערד־אייבערפלאַך, נאָר אויך פּאַרטיידיקונגען פון בונקערס, דורכגעפירט דורך אַ גאַנצער ריי לויזע קאַמפּסגרופּעס. סטראָאָפּ אַליין דערמאָנט גליַיך ביַים אָנהייב וועגן אַ האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין די בונקערס. מיר ווייסן פון גביות עדות אַז אַזעלכע בונקער־פּאַרטיידיקונגען האָבן דעם ערשטן אויפשטאַנדטאָג געהאַט אַן אָרט אויף שטשענשליווע־גאַס נומער 13, ווּו עס זאָל האָבן אָנגעפירט מיטן ווידערשטאַנד דער קעמפער שמעון קויפמאַן; וועגן די געשעענישן אויף שטשענשליווע האָט דער עס־עס־מאַן פראַנץ קאָנראַד דערקלערט אויף זיַין פּראָצעס אין וואַרשע אַז די ייִדישע קעמפערס האָבן באַשאָסן די דיַיטשן אויך פון בוידעמס. פאַרטיידיקט האָבן זיך אויך ייִדישע גרופּעס אין פאַרשידענע פּונקטן אויף ניסקע,

---

1) „אַסקאַרן״ — לעטישע און אַנדערע פאַשיסטן, וואָס זענען ווערבירט געוואָרן דורך די היטלער־לײַט אין זייערע א״ג פרעמדפעלקערישע פאָרמאַציעס צו הילף דער עס־עס בײַם באַקעמפן פּאַרטיזאַנערס, בײַם היטן אַרבעט־ און טויט־לאַגערן, אין די פאַרניכטונג־קאָמאַנדעס קעגן ייִדן און אַנדערע פעלקער אַא״וו. דאָס וואָרט „אַסקאַרן״ איז צום ערשטן מאָל באַנוצט געוואָרן אין די דײַטשע און פראַנצויזישע קאָלאָניעס אין אַפריקע פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה; דאָס זענען געווען אָרטיקע הילף־פּאָליצײ־אָפּטײלונגען. „אַסקאַר״ אויף טערקיש און אַראַביש באַטײַט: סאָלדאַט.

סמאָטשע, סטאַווקע און לובעצקע־גאַס. די דאָזיקע ידיעות ווערן אויך געבראַכט דורך דער פּוילישער אונטערערדישער פּרעסע און זיי זענען באַשטעטיקט געוואָרן דורך עדות אויפֿן דערמאָנטן וואַרשעווער פּראָצעס קעגן סטראָאָפּ און קאָנראַד. אויף סטאַווקע האָט זיך אין אַ פֿאַבריק געפֿונען אין יענער צײַט דער סעקרעטאַר פֿון פּפּ"ר אין געטאָ, אפרים פֿאָנדאַמינסקי און זײַן פֿרוי, די קעמפֿערין ליבע (ליובאַ, אַליאַ), וואָס זענען געשטאַנען אין שפּיץ פֿון די פּאַרטיידיקונגס־קאַמפֿן.

אויף די אַלע באַוואָפֿנטע אַרויסטריטן פֿון די ייִדישע קאַמפֿסגרופּעס האָבן די פֿאַשיסטישע פֿעלקערמערדערס געענטפֿערט מיט אַן אַכזריותדיקער מאַסן־רציחה איבער דער ציווילער באַפֿעלקערונג. די צעיושעטע געיעגן נאָך ייִדן און דאָס אויפֿדעקן אַ ריי בונקערס האָבן געבראַכט גאַנץ שווערע רעזולטאַטן אין הינזיכט פֿון כאַפּן מענטשן לעבעדיקערהייט צום טראַנספּאָרט. עס האָבן נישט געהאָלפֿן די בעסטיאַלישע הריגות, בעת וועלכע עס זענען געפֿאַלן אויך אַ סך פּאַליאַקן, וואָס האָבן זיך צופֿעליק, דעם ערשטן טאָג, געפֿונען אין געטאָ, בתוכם אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין די געטאָ־פֿאַבריקן. אויסנוצנדיק די בהלה וואָס איז אויסגעבראָכן בײַם אָנהייב פֿון די קאַמפֿן, האָבן אַ סך ייִדן זיך געלאָזט צו די אונטערערדישע קאַנאַלן, כּדי זיך אַרויסצובאַקומען אויף דער „אַרישער" זײַט. ווי נאָר סטראָאָפּ האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, האָט ער געהייסן פֿאַרגיסן די קאַנאַלן און אַזוי אַרום אומברענגען די מענטשן וואָס האָבן געזוכט אַ רעטונג.

ווען עס איז צוגעפֿאַלן די נאַכט, האָבן די דײַטשע כּוחות זיך צוריקגעצויגן פֿון געטאָ — בלײַבן אין דער פֿינצטערניש אויג אויף אויג מיטן דרייסטן, אויף אַלעם גרייטן קעגנער האָבן זיי מורא געהאַט. איז טאַקע די נאַכט אויסגענוצט געוואָרן דורך די אויפֿשטענדלערס, וועלכע האָבן איבערגרופּירט די כּוחות און אָפּגעהאַלטן באַראַטונגען. זיי האָבן אָבער נישט גערוט. בײַ נאַכט זענען אַרויסגעהאָנגען געוואָרן פֿרישע פֿענער און פּלאַקאַטן מיט אויפֿשריפֿטן: „מיר קעמפֿן ביזן סוף!"

דער קאַמפֿסגײַסט האָט קיינעם נישט אָפּגעלאָזט. אין די בונקערס פֿון די באַוואָפֿנטע גרופּעס האָט מען געזונגען אַ ליד וועגן סטאַלינגראַד און געטאָגראַד, וואָס איז געווען פּאָפּולער אין געטאָ־אונטערערד.

דער רושם פֿון אויסבראָך פֿונעם אויפֿשטאַנד איז געווען אַ מעכטיקער. צום שטאַרקסטן האָט עס געווירקט אויף דער מאַסע פֿון די געטאָ־אסירים גופֿא. כּמעט אַלע געפֿילן אָן אויסנאַם זענען געווען אויף דער זײַט פֿון די קעמפֿערס.

אויך אויף דרויסן פֿונעם געטאָ־מויער איז דער אײַנדרוק געווען אַן אומבאַשרײַבלעכער. מען האָט איבערגעגעבן פֿון מויל צו מויל וועגן העלדישע מיידלעך וואָס האָבן זיך אַרומגעבונדן מיט גראַנאַטן און זיך געוואָרפֿן אויף טאַנקען און זענען אויפֿגעריסן געוואָרן צוזאַמען מיט זיי; וועגן קעמפֿערינס וואָס שלײַדערן פֿון הויכע ערטער גראַנאַטן אין די עס־עס־לײַט און ווערן תּיכּף אומבאַשעדיקטע נעלם; וועגן גאַנצע גרופּעס ייִדן וועלכע פֿאַלן אַרויס פֿון קאַנאַלן־עפֿענונגען, אַטאַקירן די דײַטשן און ציִען זיך בליץ־שנעל צוריק; וועגן קינדער וואָס וואַרפֿן אין דעם שונאס פּאַנצער־וואָגנס אָנצינדפֿלעשער. און מען האָט געוווּסט דער עיקר אָט וואָס: די דײַטשן זענען אַנטלאָפֿן פֿאַר די ייִדישע אויפֿשטענדלערס, איבערלאָזנדיק זייערע אייגענע הרוגים אויפֿן ברוק, און די געטאָ־קעמפֿערס האָבן געהאַט אַ סך ווייניקער אייגענע קרבנות. און נאָך איין זאַך האָט מען געוווּסט: דער פּלאַן אַרויסצופֿירן די ייִדן אַזוי ווי אַ מאָל האָט געפּלאַצט.

דער אויפֿשטאַנד איז געוואָרן אַ פֿאַקט. די טרוימען פֿון דער ווידערשטאַנד־לעכצנדיקער ייִדישער יוגנט זענען, ווי דאָס האָט עס אויסגעדריקט אין זײַן בריוו פֿון 23טן אַפּריל 1943 דער שטאַבקאָמענדאַנט, מקוים געוואָרן.

— 5 —

די שלאַכטן פֿון 20טן ביזן 24טן אַפּריל

אויפֿן צווייטן טאָג, דעם 20טן אַפּריל, האָט זיך דער אויפֿשטאַנד אויסגעברייטערט. אויב דעם ערשטן טאָג האָבן די קאַמפֿן אַרומגענומען נאָר אַ טייל פֿון צענטראַלן געטאָ — די גאַסן וואָס זענען אויסגערעכנט געוואָרן אין פֿריִערדיקן קאַפּיטל — און אויף אַלע אַנדערע געביטן; האָט געהאַט אַן אָרט אַן אַלגעמיינער פּאַסיווער ווידערשטאַנד און אין די קאַמפֿסרייען האָט געהערשט אַ גרייטקייט־ און אַלאַרם־צושטאַנד, האָבן שוין דעם צווייטן טאָג די שלאַכטן אַרומגעכאַפּט אַ ברייטערן שטח, דאָס הייסט — אויך דאָס געביט פֿון דער באַרשטן־פֿאַבריק אין דעם פּירעק שווענטאָיערסקע־וואָלאָווע־פֿראַנציסקאַנער און די ווײַטער ליגנדיקע ערטער — די גאַסן לעשנע, נאָוואָליפּיע, סמאָטשע און די שכנותדיקע, וואָס האָבן געשאַפֿן דאָס אַ"ג פּראָדוקטיווע געטאָ, אָדער, ווי מען האָט עס פּאָפּולער אָנגערופֿן, דאָס געביט פֿון די שאָפּן.

דער שונא, אָנגעלערנט פֿון דעם ערשטן טאָג, האָט פֿאַרשטאַרקט די באַלאַגערונג און די קראַפֿט פֿון זײַן פֿײַער. דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט געוואָרן נישט בלויז מיט נעסטן פֿון שווערע קוילן־וואַרפֿערס, נאָר אויך מיט לײַכטער פֿעלד־אַרטילעריע. די באַטעריעס זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן פֿון צוויי זײַטן: אויפֿן קראַשינסקי־פּלאַץ בײַ דער נאָוויניאַרסקע און אַנטקעגן דער באָניפֿראַטן־גאַס.

די קאַמפֿן זענען קאָנטינויִרט געוואָרן אויפֿן מוראַנאָווער פּלאַץ. קאַמפֿן זענען אויך פֿאָרגעקומען אויף סאַפּיעזשינסקע און אויף מילע־גאַס. די שטאַרקסטע שלאַכט האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפֿן בערשטער־געביט. די דײַטשן זענען אַטאַקירט געוואָרן אויך אויף די גאַסן לעשנע, נאָוואָליפּיע און סמאָטשע. איינע פֿון די וויכטיקסטע געשעענישן דעם 20טן אַפּריל איז געווען דער אָנגריף אויף דער צווייטער זײַט פֿונעם געטאָ־מויער, וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן דורך דער ברידערלעכער פֿאָלקסגוואַרדיע, דורך די פּוילישע אַנטיפֿאַשיסטישע ווידערשטענדלערס אונטער דער אָנפֿירונג פֿון פּפּ"ר.

די אַלע קאַמפֿן האָבן זיך אײַנגעגעבן אינעם זכּרון פֿון דעם הויפּט־ליקווידאַטאָר עס־עס־גענעראַל סטראָאָפּ און פֿון אַנדערע מיטבאַטייליקטע און עדות פֿון דעם אומגלײַכן פֿאַרמעסט.

די ייִדישע פּאָזיציע אויפֿן מוראַנאָווער פּלאַץ, וואָס איר הויפּטפּונקט האָט זיך געפֿונען אין דעם הײַזערבלאָק נומערן זיבן און נײַן, האָט געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט פּוילישע פֿאַרבינדעטע פֿון דער „אַרישער" זײַט נישט בלויז פֿאַרן אויפֿשטאַנד, נאָר אויך אין סאַמע פֿלאַקער פֿון די קאַמפֿן. אַ דאַנק דעם אונטערערדישן טונעל, וועלכער האָט פֿאַראייניקט דעם בונקער פֿון מוראַנאָוו 7 מיט אַ קעלער פֿון הויז נומער 6, וואָס איז שוין געלעגן אויף דער צווייטער „פֿרײַער" זײַט פֿון געטאָ, האָבן די ייִדישע קעמפֿערס אין דער צײַט פֿון די שלאַכטן באַקומען אַפֿילו אַ פֿרישן טראַנספּאָרט געווער.

די אָנגריפן פון סטראָאָפּס חיילות זענען דאָ עטלעכע מאָל געוואָרן צוריקגעשטויסן. די דײַטשן האָבן זיך באַמיט צו דערראָבערן די אויפשטאַנדפענער, וואָס האָבן געפלאַטערט אויפן דאַך, און דאָס איז זיי לאַנג נישט געלונגען. צווישן די געפאַלענע היטלער־לײַט אויף דעם אָפּשניט איז געווען אַן אָפיציר, דער אונטערשטורמפירער דעהמקע. אויך די אויפשטענדלערס האָבן געהאַט פאַרלוסטן, בתוכם דעם קעמפער לייב ראָדאַל, וואָס איז געפאַלן פאַרטיידיקנדיק די פאָן.

פאַרן פאַרלירן אַ געטרײַען פאַשיסט ווי דעהמקע האָט סטראָאָפּ גענומען אַ בלוטיקע נקמה: ער האָט באַפוילן צו דערשיסן עטלעכע הונדערט צופעליק געכאַפּטע אומשולדיקע ייִדן.

אונטערן דרוק פון שטײַגנדיקן פײַער פונעם שונא האָט איין גרופּע פון די מוראַנאָווער פאַרטיידיקערס זיך צוריקגעצויגן דורכן דערמאָנטן טונעל, מיטנעמענדיק מיט זיך ראָדאַלס טויטן קערפּער. די גרופּע איז אַרויס מיט דער הילף פון די פּוילישע פאַרבינדעטע (עס דערמאָנט וועגן זיי סטראָאָפּ אין זײַן ראַפּאָרט) — אויפן וועג פון דער אָטוואָצקער ליניע. אין צוויי טעג אַרום, דעם 22סטן אַפּריל, זענען זיי אין אַ פאַרבאַריקאַדירטער ווילע אַטאַקירט געוואָרן — ווי עס טיילט מיט אַ מעלדונג פון דער הינטערוואַרשעווער זשאַנדאַרמעריע פון 23סטן אַפּריל — דורך דײַטשער זשאַנדאַרמעריע און פּוילישער פּאָליציי. די קעמפערס, שרעקלעך אויסגעמאַטערטע און אָפּגייענדיקע אין בלוט מחמת די וווּנדן פון די קאַמפן אין געטאָ, האָבן שוין נישט געקאָנט לאַנג זיך האַלטן. זיי האָבן זיך געפּרוּווט דורכרײַסן, זיי זענען אָבער געוואָרן אַרומגערינגלט און אויסגעראָטן.

אַ צווייטע גרופּע פון מוראַנאָוו 7—9 איז דעם 21סטן אַפּריל אויך אַרויס דורכן טונעל, אָבער זי איז אינעם הויז מוראַנאָוו 6, ווּ זי האָט זיך לעת עתה פאַרהאַלטן, אויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ מוסר, אַ מיטגליד פון דעם פאַשיסטישן „מיעטש אי פּלוג" („שווערד און סאָכע"). די ייִדישע גרופּע איז אויסגעראָטן געוואָרן דורך דער אַרויסגערופענער היטלעריסטישער אָפּטיילונג.

דאָס האָט שוין, ווי געזאָגט, פּאַסירט אויף צו מאָרגנס, דעם 21סטן אַפּריל. לאָמיר זיך אָבער אומקערן צום ווײַטערדיקן לויף פון די געשעענישן. דעם צווייטן טאָג פונעם אויפשטאַנד, דעם 20סטן אַפּריל.

נישט ווײַט פון מוראַנאָווער פּלאַץ געפינט זיך די סאַפּיעזשינסקע־גאַס, וועלכע איז געווען אָפּגעשניטן פון די איזאָלירטע ייִדישע גאַסן מיט אַ טייל פונעם אַרומיקן געטאָ־מויער. הינטערן מויער זענען געשטאַנען די באַלאַגערנדיקע כוחות פון עס־עס, טראַווניק־וועכטער, „גראַנאַטאָווע" פּאָליציי. אין אָט דעם אָרט זענען די היטלעריסטן אַטאַקירט געוואָרן. ווי עס דרינגט אַרויס פון דעם קאָמוניקאַט נומער דרײַ פון דער „זשאָב"־פאָרשטייערשאַפט אויף דער „אַרישער" זײַט, האָט זיך אַ גרופּע ייִדישע קעמפערס אַרויפגעכאַפּט אויפן געטאָ־מויער בײַם ראָג פון סאַפּיעזשינסקע־גאַס און באַוואָרפן די באַלאַגערנדיקע פאַשיסטן מיט גראַנאַטן; עטלעכע עס־עס־לײַט, זשאַנדאַרן און פּוילישע פּאָליציאַנטן זענען, ווי עס טיילט מיט דער דאָזיקער קאָמוניקאַט, געפאַלן מיט צעריסענע אבֿרים אויפן אָרט. די זעלביקע ידיעה ווערט באַשטעטיקט אויך דורך דעם ביולעטין פון „זשעגאָטאַ". אין דער זעלביקער צײַט זענען, ווײַזט אויס, די דײַטשן אַטאַקירט געוואָרן אויפן סאַפּיעזשינסקער אָפּשניט אויך דורך אַ פּוילישער קאַמפּסגרופּע. גענוי וועט וועגן דעם זײַן אַ רייד אַ ביסל ווײַטער.

אויף דער מערבֿ־זײַט פון מוראַנאָווער פּלאַץ און מער צום צפון פון סאַפּיעזשינסקע איז געלעגן די מילע־גאַס, ווּ עס זענען לפי ערך אין דער זעלביקער צײַט אויסגעבראָכן קאַמפן, וועגן וועלכע מיר ווייסן נאָר אַז זיי זענען פאָרגעקומען דעם 20סטן נאָך מיטאָג, אָבער מיר קענען נישט לײדער זייער פאַרלויף. עס איז זיך משער צו זײַן אַז דאָרטן האָבן געהאַט אָן אָרט פאַרביסענע באַוואָפנטע פאַרטיידיקונגען פון די בונקערס. צו קיין פּאָזיציע־קאַמפן, ווי אויף מוראַנאָוו און אויפן בערשטער־געביט (וועגן דעם וועלן מיר באַלד אינפאָרמירן), ווּ עס זענען געווען הויכע און שטאַרקע בעטאָנהײַזער, האָט אויף מילע נישט געקאָנט קומען, ווײַל די געבײַדעס זענען דאָ געווען שוואַכערע. אָבער די מילע־גאַס, די גאַס פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט און אָרעמקייט, איז געווען די הויפּטבאַזע פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דאָ האָבן זיך געפונען די וויכטיקסטע באַפעסטיקטע בונקערס פון די אויפשטענדלערס און דער צענטער פון זייער אָנפירונג. נישט קיין וווּנדער, דעריבער, וואָס דער אָנגריף פונעם שונא אויף די בונקערס פון מילע־גאַס האָט זיך תיכף אָנגעטראָפן אויף אַ דעצידירטן ווידערשטאַנד. איבערן הויז פון איינעם פון די קעמפנדיקע בונקערס פון דער גאַס, אָדער פאַרן קעלער פונעם בונקער, איז אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אַ רויטע פאָן. דאָס דערראָבערן די דאָזיקע פאָן, וואָס האָט אין סטראָאָפּס אויגן אויסגעזען ווי אַ לעסטערונג און אַ חוצפּהדיקער אַרויסרוף, 1) האָט, ווײַזט אויס, געקאָסט די דײַטשן אַ סך מי און קרבנות, וואָרעם דער דאָזיקער בלוטיקער עס־עס־ און פּאָליציי־פירער האָט זיך אויף צו מאָרגנס שטאַרק געריִמט פאַר דעם צווייטן היטלעריסטישן תלין אָדיל גלאָבאָצניק מיט אָט דעם מלחמה־טראָפּיי (ווי עס שטעלט פעסט אַן עד־ראיה, וואָס איז געווען בעתן שמועס סטראָאָפּ־גלאָבאָצניק, דער פּוילישער פאַבריקאַנט קודאַשעוויטש).

ווי עס דרינגט אַרויס פון סטראָאָפּס ראַפּאָרט, האָט ער געהאַט דעם 20סטן אַפּריל צו טאָן מיט נײַן בונקערס, ווּ ער האָט געמוזט ברעכן מיט כוח און גרויס אָנשטרענג דעם ווידערשטאַנד פון די ייִדן.

מען דאַרף אָננעמען אַז די דאָזיקע בונקער־פאַרטיידיקונגען האָבן געהאַט אָן אָרט אויף מילע און אין די שכנותדיקע געסלעך. לויט אַלע וואָרשײַנלעכקייטן האָבן דאָ מיט די קאַמפן אָנגעפירט די קאָמאַנדירן אַניעלעוויטש, ראָזענפעלד, בריסקין, ברווידאָ, גרוזאַלץ, גראָוער און אַנדערע.

אָבער די שטאַרקסטע שלאַכט אויפן שטח פון א"ג צענטראַלן געטאָ, דעם 20סטן אַפּריל, האָט זיך פאַרקניפּט אין דער גוט־באַפעסטיקטער בערשטער־פאַבריק.

אויף דעם דאָזיקן געביט, וואָס ווערט אין די דײַטשע דאָקומענטן אָנגערופן „הערעס־אונטערקונפט־פאַרוואַלטונג" (פאַרוואַלטונג פון דער מיליטערישער אינטענדאַנטור) און ווּ עס האָט זיך געפונען דער עיקר אַ פּראָלעטאַרישער עלעמענט, האָט געוואַרט אין פולער אַליאַרם־גרייטקייט אַ גרעסערע פאַראייניקונג פון גרופּעס פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע: די קאַמפּסגרופּעס פון מאַרעק עדעלמאַן, יורעק גרינשפּאַן, הערש בערלינסקי, הענעך גוטמאַן, יורעק בלאָנעס, יעקב פּראַשקער. עס זענען אין פאַרשידענע פּונקטן פון דעם ריזיקן בלאָק־פירעק און אין באַפעסטיקטע בונקערס אויך געווען אַ רייע לויזע קאַמפּסגרופּעס, ס'רובֿ פון מעטאַל־ און טראַנספּאָרט־אַרבעטער. פון צווישן די אַקטיווע טוערס פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָבן זיך דאָרט געפונען שרה

---

1) אַזוי לפי ערך דריקט זיך אויס סטראָאָפּ אין זײַן ראַפּאָרט וועגן די אויפשטאַנדפענער אויף דעם מוראַנאָווער פּלאַץ.

זשאַגעל, מירסקי, אַבראַשע בלום, בערעק שנײַדמיל א"א. די פאַרטיידיקונג איז דאָ געווען גוט אָרגאַניזירט. מיט דער ציווילער באַפעלקערונג זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן באַלד דעם ערשטן טאָג פון אויפשטאַנד באַראַטונגען און פּלוגמיטינגען. עס זענען אויך, ווי עס דרינגט אַרויס פון דעם וואָס עס דערציילן פּוילישע עדות — ס'רוב פּפּ"ר־חברים — בקול רם געוואָרנט געוואָרן די דורכגייערס פון דער אויסערלעכער זײַט, אַז באַלד וועט דאָ אויסברעכן אַ קאַמף. אויך דאָ איז — ווי עס גיבן איבער פּוילישע אונטערערדישע כראָניקערס — געוואָרן אַרויסגעהאָנגען אַ רויטע פאָן.

אויפן פּלעצל פאַרן טויער פון די בלאָקן האָבן די אויפשטענדלערס אונטערגעלייגט אַ מינע.

סטראָאָפּ האָט זיך, אַפּנים, שטאַרק גערעכנט מיט אָט דער יִדישער פּאָזיציע, וואָרעם ער האָט אַליין אויפן אָרט געקערעוועט מיט די קאָנקרעטע אָנגריף־אָפּעראַציעס. נאַטירלעך, האָט ער זיך באַוועגט אונטער דער שוץ פון אַ שטאַרקער שמירה, מורא האָבנדיק פאַר די יִדישע קוילן. קעגן דעם בערשטער־געביט האָט דער עס־עס־גענעראַל אַרויסגעשטעלט אַן אָפּטיילונג פון 300 ערשטקלאַסיקע באַוואָפנטע מענער און אויך די דערמאָנטע לײַכט־אַרטילערישע באַטעריע, וואָס איז געשטאַנען אויפן קראַשינסקי־פּלאַץ בײַ דער נאָוויניאַרסקע־גאַס.

די ערשטע אַטאַקע פון די דײַטשן איז פאָרגעקומען אַרום דרײַ אַ זייגער. די אויפשטענדלערס האָבן אָנגעווענדט אַ קלוגע טאַקטיק. זיי האָבן צוגעלאָזט דעם שונא ביזן טויער פון די בלאָקן און אײַנגעשלאָסן דעם עלעקטרישן שטראָם — די מינע האָט אויפגעריסן. צוויי און צוואַנציק פײַנדלעכע זעלנערס זענען געפאַלן מיט צעריסענע און צעפליקטע אברים. אַזוי גיט איבער די גוט אינפאָרמירטע פּפּ"רישע צײַטשריפט „טריבונאַ וואָלנאָשטשי". סטראָאָפּ באַמיט זיך אין זײַן ראַפּאָרט צו פאַרקלענערן די צאָל פון זײַנע פאַרלוסטן. אָבער די גאַנצע פּוילישע אונטערערדישע פּרעסע און אויך די יִדישע עדי־ראיה גיבן אָן ציפערן ענלעכע, אָדער נאָך גרעסערע ווי די „טריבונאַ וואָלנאָשטשי".

די פּאַניק אין די רייען פון די דײַטשן איז געווען נישט צו באַשרײַבן. זיי זענען געלאָפן ווי משוגע, איבערלאָזנדיק אויפן פּלאַץ די אייגענע קאַמעראַדן, וועלכע האָבן געמאַכט גרויסע געוואַלדן. ערשט אין צוויי שעה אַרום איז סטראָאָפּן געלונגען צו באַהערשן די לאַגע אין די אייגענע רייען און צו אָרגאַניזירן אַ צווייטן אָנגריף. דער שונא האָט זיך איצט גערוקט פאָרויס צעוואָרפענערהייט, איינער הינטער דעם צווייטן, האַלטנדיק זיך בײַ די זײַטיקע מויערן. די אויפשטענדלערס, פאַרשטעקט אין מער באַקוועמע פּאָזיציעס, הינטער פענצטער, אויף בוידעמס, האָבן מכבד געווען די פאַשיסטן מיט גראַנאַטן און „מאָלאָטאָוו־קאָקטיילס". די דײַטשן מוזן זיך ווידער צוריקציִען, איבערלאָזנדיק דאָס מאָל אויפן שלאַכטפעלד וויניקער פּגרים ווי פריִער.

בעת דער דאָזיקער העלדישער פאַרטיידיקונג פון דער בערשטער־פאַבריק האָבן זיך אויסגעצייכנט אַ סך יִדישע קעמפערס. איינע פון די סאַמע מסירת־נפשדיקע קעמפערינס פון יורעק גרינשפּאַנס קאַמפסגרופּע רעניע ניעמיעצקאַ איז געפאַלן אין שלאַכט. נישט אָפּטרעטנדיק ביזן לעצטן מאָמענט פונעם געווער איז געפאַלן אויפן פּאָסטן, קעמפנדיק אויפן בוידעם, דער העלדישער קעמפער מיכאל קלעפּפיש. באַזונדער האָט זיך אויסגעצייכנט איינער פון די יִנגסטע מיטגלידער פון „זשאָב" שנאַן לענט. צו די בעסטע שיסערס האָט געהערט דער יונגיטשקער שליאָמקע שוסטער. אַלע האָבן אויסגעפירט זייער חוב מיט דער גרעסטער מסירת־נפש. דאָס אַלץ האָט געגעבן אַ גרונט דעם „גוואַרדזשיסטאַ" נומער 18 פון 25טן מײַ 1943, בײַם מאַכן אַ סך־הכל פון די ביזדעמאָלטיקע קאַמפן צו שרײַבן: „אויפן געביט פון די בערשטער (שוויענטאָיערסקע־פראַנציסקאַנער) זענען די קאַמפן געווען באַזונדער פאַרביסן. איין קאַמפסגרופּע האָט אײַנגעהאַלטן אַ געוויסע פּאָזיציע אין משך פון גאַנצן טאָג, נישט לאָזנדיק דעם שונאס אָפּטיילונגען אַדורכגיין".

אַזוי אַרום האָבן די אויפשטענדלערס אָפּגעשטויסן די שטאַרקע אַטאַקע פון סטראָאָפּס חיילות אויפן דערמאָנטן באַפעסטיקטן פּירעק.

און איצט איז געשען אַ ממש אומגלייבלעכע זאַך: די דײַטשן שיקן אַרויס צו די יִדן פּאַרלאַמענטאַריער מיט ווײַסע בענדער — לייגן פאָר אַ וואָפן־שטילשטאַנד אויף אַ פערטל שעה, כדי צו באַגראָבן די טויטע! די אויפשטענדלערס וואַרפן אָפּ דעם פאָרלייג, זיי ווילן נישט פירן מיט די פעלקערמערדערס קיין שום אונטערהאַנדלונגען. די דײַטשן פּרוּוון מזל דורך אַרײַנרײַסן זיך פון דער צווייטער זײַט, פון פראַנציסקאַנער־גאַס, אָבער אויך דאָ ווערן זיי אָפּגעשטויסן. דעמאָלט באַשליסן זיי אָנצווענדן שטאַרקער ווי פריִער די אַרטילערישע באַשיסונג. אַרום 5—6 אַ זייגער הייבט זיך אָן אַ הוראַגאַן־באָמבאַרדירונג, וועלכע טרייסלט אויף די לופט אויף אַ מהלך פון צענדליקער קילאָמעטער. דרײַ האַרמאַטן — זאָגט אין זײַן ראַפּאָרט סטראָאָפּ — האָבן אָנטייל גענומען אין דער אַקציע. דער פּאָזיציע פון די אויפשטענדלערס אויפן בערשטער־געביט האָט געדראָט אַ באַלדיקע צעקרישלונג אונטער די שווערע קלעפּ פון די סנאַריאַדן, וואָס זענען געפלויגן איינער נאָכן צווייטן.

און דאָ איז געקומען די הילף פון דער פאָלקסגוואַרדיע.

6 אַ זייגער מיט 45 מינוט איז די דײַטשע באַטעריע אויף נאָוויניאַרסקע פּלוצעם אַטאַקירט געוואָרן דורך אַ קאַמפסגרופּע פון דער אָפּטיילונג א"נ פון לודוויק וואַרינסקי פון דער פאָלקסגוואַרדיע אין וואַרשע. דער דאָזיקער בליץ שנעלער און מיט פולשטענדיקן דערפאָלג אַדורכגעפירטער אָנפאַל אויפן געמיינזאַמען שונא איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויפן באַפעל פון דעם שטאַבשעף פון דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ", פראַנצישעק יושוויאַק („וויטאָלד פראַנעק") און איז קאָנקרעט צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם קאָמאַנדיר פון דער פאָלקסגוואַרדיע אין וואַרשע סטאַניסלאַוו סקריפּי („סילוועסטער") און דורך דעם ספּעציעל אויסגעטיילטן הילף־קאָמיטעט פאַר די קעמפנדיקע יִדן מיטן אַלטן אַרבעטער־טוער פראַנצישעק לענטשיצקי („בראָדאַ") פון פּפּ"ר בראש. מיטן אָנפאַל אויף דער באַטעריע האָט אָנגעפירט דער קאָמאַנדיר פון דעם ספּעצאָפּטייל פון דער פאָלקסגוואַרדיע פראַנצישעק באַרטאָשעק („יאַצעק"). אין דער אַקציע האָבן זיך באַטייליקט די קעמפערס זיגמונט באָבאָווסקי („זיך") דער קליינער פראַנעק, יעזשי דוראַטש („פּעלעק") ניוטע טייטעלבוים („וואַנדאַ") א"א.

צוויי דײַטשע אַרטילעריסטן, וועלכע האָבן באַדינט די באַטעריע, און צוויי פּוילישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן צעטריבן דעם עולם, זענען דערהרגעט געוואָרן. די באַטעריע איז געבליבן שטום. די פּוילישע קעמפערס זענען, נאָכן שלײַדערן די גראַנאַטן, אַרויס גאַנץ.

די לאַגע פון די אויפשטענדלערס איז אויף אַ געוויסער, קורצער צײַט געוואָרן לײַכטער.

עס איז אויסער יעדן צווייפל אַז די דאָזיקע — און אויך די ווײַטערדיקע — אַקציע פון דער פאָלקסגוואַרדיע איז קאָאָרדינירט געוואָרן מיט דער אָנפירונג פונעם אויפשטאַנד. עס זאָגט וועגן דעם עדות דער פאַקט וואָס באַלד פון ערשטן טאָג אָן זענען אינעם קאָנספּיראַטיוון לאָקאַל פון פפ"ר אויף שטשיגלע־גאַס נומער דרײַ, וווינונג פינף, וואָס האָט געהערט צו די איבערגעגעבענע פּוילישע פּאַטריאָטן, די פפ"ר־מיטגלידער וולאַדיסלאַווא און סטאַניסלאַוו לעגעץ, אָנגעקומען שליחים פון דער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע און געבראַכט גרוסן פונעם שלאַכטפעלד און וווּנטשן פון פּאָנדאַמינסקין („סטעפאַן“), וואָס האָט האַרט פאַרן אויפשטאַנד אין דעם זעלביקן לאָקאַל אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט וויכטיקע פאָרשטייערס פון פפ"ר. די ריכטונג פון דער אַטאַקע פון באַרטאָשעקס גרופּע דערווײַזט אויך אַז אַ קאָאָרדינאַציע איז אין יענע טעג געווען.

די פפ"ר און די פאָלקסגוואַרדיע, וואָס האָבן באַקומען אינסטרוקציעס וועגן העלפן דעם קעמפנדיקן געטאָ פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי און פון זײַן גענעראַל־סעקרעטאַר פּאַוועל פינדער, האָבן זיך באַמיט באַלד פון אָנהייב צו אָרגאַניזירן הילף פאַר די ייִדן און סאָלידאַריטעט־קאַמפן אין אַ ברייטערן פאַרנעם. דאָס איז סײַ געלעגן אויף דער אַלגעמיינער ליניע פון דער פפ"רישער פּאָליטיק, אויף דער ליניע פון מאָנטירן אַ ברייטן נאַציאָנאַלן קאַמפספראָנט, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפירט דער פּאַרטיי־פירער באָלעסלאַוו ביערוט, סײַ דאָס איז אַרויסגעדרונגען פון דעם טיפן ווילן פון פפ"ר צו אָרגאַניזירן אַ וואָס גרעסערע און ממשותדיקערע באַלדיקע הילף פאַר די קעמפנדיקע און טראַגיש אונטערגייענדיקע ייִדן. אַלע אַלאַרם־רופן פון פפ"ר און פון דער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך אָבער אָנגעטראָפן אויף אַ וואַנט פון גלײַכגילטיקייט און טויבקייט מצד די אָפיציעלע קרײַזן פון דער דעלעגאַטור און פון א"ק („אַרמיאַ קראַיאָוואַ“). חוץ שיין קלינגעוודיקע, צביעותדיקע מליצות האָבן די דאָזיקע לײַט פון זיך גאָרנישט אַרויסגעבראַכט. פאַרקערט, סאַמע ערב די געשעענישן פון 19טן אַפּריל האָבן זייערע פאָרשטייערס דערקלערט איינעם פון די „זשאָב“־שליחים, אַז אויב עס וועט אויסברעכן אַן אויפשטאַנד אין געטאָ, וועלן זיי, די א"ק, זײַן געצוווּנגען אַרויסצוטרעטן אַקטיוו קעגן די ייִדן און זייער קאַמף.

די אומדערמידלעכע אַקציע פון פפ"ר — אין דער אונטערערדישע פּרעסע, דורך פּערזענלעכער אַגיטאַציע אאַ"וו — האָט באַוויזן אַרויסצושלעפּן אַ געוויסן קליינעם טייל פון די א"ק־מאַסן פון אונטער דער ווירקונג פון זייערע פירערס און מיטצורײַסן צו סאָלידאַריטעט־אַרויסטריטן לטובת דעם קעמפנדיקן געטאָ. לויטן פּלאַן פון דער פאָלקסגוואַרדיע האָט אין דער זעלביקער צײַט, ווען באַרטאָשעקס גרופּע וועט אָנגרײַפן אויף נאָוויניאַרסקע־גאַס, געדאַרפט אַ צווייטע גרופּע, אַ געמישטע פון פאָלקסגוואַרדיסטן און דעמאָקראַטיש און פּאַטריאָטיש געשטימטע פּשוטע א"ק־זעלנערס, אַטאַקירן דעם שונא פון דער צווייטער זײַט, בײַ דער סאַפּיעזשינסקע־גאַס, און מאַכן אַ דורכבראָך אינעם דאָרטיקן געטאָ־מויער, כדי צו דערמעגלעכן אַ טייל ייִדן צו אַנטלויפן. אַז אויך אָט דער טייל פונעם פּלאַן איז קאָאָרדינירט געוואָרן מיט דער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, דערווײַזט דער פאַקט, וואָס ייִדישע קעמפערס האָבן, ווי מיר האָבן שוין פריִער אָנגעוויזן, אַטאַקירט דעם שונא טאַקע אויפן געטאָ־מויער בײַ סאַפּיעזשינסקע־גאַס.

די געמישטע פּוילישע גרופּע, אונטער דער אָנפירונג פון קאַפּיטאַן „כוואַצקי“ (אַ פּסעוודאָנים), איז צוגעטראָטן צו דער אַקציע מיט 15 מינוט שפּעטער, ד"ה 7 אַ זייגער. די דאָזיקע אַקציע איז געלונגען, כאָטש נישט אין גאַנצן. קיין דורכבראָך אין מויער האָט זיך נישט אײַנגעגעבן צו מאַכן, ווײַל דער שונא האָט גלײַך קאָנטראַטאַקירט מיט אַ שטאַרקן פײַער און האָט אַרײַנגעפירט אין קאַמף אַ טאַנק. בעת דער שלאַכט וואָס האָט זיך פאַרקניפּט — און לאָמיר אָננעמען אַז די דײַטשן זענען גענומען געוואָרן אין אַ פײַער פון צוויי זײַטן, מצד די ייִדן אויפן מויער און מצד די פּאָליאַקן אויף דער גאַס — זענען געפאַלן טויטע און פאַרווווּנדעטע. פּוילישע טראַמוויי־אַרבעטער פון דער נאָענטער רעמיזע האָבן אַליין געזען אַ סך פאַשיסטישע פּגרים, וואָס זענען שנעל צוגענומען געוואָרן דורך די קאַרעטעס פון רויטן קרייץ.

אין זײַנע ראַפּאָרטן רעדט סטראָאָפּ וועגן „פּוילישע באַנדיטן־קאָמוניסטן“, וואָס זענען געקומען העלפן די ייִדן אינעם קאַמף. די געפאַנגענע פּוילישע קעמפערס זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט דורך די פאַשיסטישע מערדערס. אין איין פאַל גיט סטראָאָפּ אָן פינף און צוואַנציק געפאַנגענע און גלײַך דערשאָסענע פּוילישע פּאַטריאָטן־קאָמוניסטן. זיי זענען געפאַלן — גיט איבער דער עס־עס־גענעראַל — מיט אויסרופן „זאָל לעבן פּוילן!“, „זאָל לעבן מאָסקווע!“

אַזוי שטעלן זיך פאָר אין קורצן די קאַמפס־געשעענישן אויף מוראַנאָווער פּלאַץ, אויפן בערשטער־געביט, אויף מילע און סאַפּיעזשינסקע און אויף דער אויסערלעכער זײַט הינטער די געטאָ־מויערן אינעם צווייטן טאָג פון אויפשטאַנד. דעם 20טן אַפּריל האָט זיך אויך אָפּגערופן דאָס א"ג געביט פון די שאָפּן, אין דער דרום־מערב־זײַט פון געטאָ.

דאָ האָט זיך די לאַגע פאָרגעשטעלט אַ ביסל אַנדערש. אין די פאַבריקן וואָס האָבן זיך געפונען אויף לעשנע, נאָוואָליפּיע און די שכנותדיקע גאַסן האָבן זיך נאָך אַרומגעדרייט די דײַטשע פאַבריקאַנטן ווי צ. טעבענס און ק. ג. שולץ. זיי פּרוּוון נאָך אַלץ צו באַוועגן די ייִדן, זיי זאָלן פרײַוויליק אַרויסגיין און זיך שטעלן צום טראַנספּאָרט. סטראָאָפּן וואָלט, נאַטירלעך, באַקוועמער געווען ווען די דאָזיקע מיסיע געלינגט, וואָרעם דעמאָלט וואָלט ער אויסגעמיטן אי אייגענע פאַרלוסטן, אי ער וואָלט נישט געשטעלט אין קאָן די אײַנריכטונגען פון די מלחמה־וויכטיקע אינדוסטריע־אַנשטאַלטן.

אָבער דער פּאַסיווער ווידערשטאַנד האָט אַרומגענומען דעם וויכטיקן טייל פון די ייִדן אויך אויף דעם געביט פון טעבענס' און שולצס פאַבריקן. די ייִדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע שטייט אויף דער וואַך. זי האָט אַרומגענומען מיט אַ נעץ פון קאַמפס־גרייטע קעמערלעך די פאַבריקן פון טעבענס, פון די שולצס, פון האַלמאַן, פון רעריק. אין שפּיץ פון די קאַמפסגרופּעס שטייען די קאָמאַנדירן הערש קאַווע, יאַנעק שוואַרצפוס, לעוו רודניצקי, מאָטל גאָלדשטיין, אַליעזר געלער ,דוויד נאָוואָדוואָרסקי, יהושע ווינאָגראָן, בנימין וואַלד, וואָלף ראָזאָווסקי, מאיר מייעראָוויטש. עס געפינען זיך דאָ די אָנגעזעענע טוערס פון פפ"ר שכנא פײַנגאָלד און רוזשקע ראָזענפעלד. היות דער שונא איז נאָך, אין הסכם מיט זײַן טאַקטיק, אויפן דאָזיקן געביט נישט צוגעטראָטן צו קיין אָנגריף, פּלאַנירן די קעמפערס אַרויסצוטרעטן די ערשטע, אונטערצוצינדן די פאַבריק און דורכפירן נאָך אַנדערע ענלעכע סאַבאָטאַזש־ און נקמה־אַקטן.

אין דער נאַכט פון 19טן אויפן 20טן אַפּריל פאַלט מסתמא די ענדגילטיקע דעציזיע אָנצוגרײַפן די ערשטע. היות אויף לעשנע פירט איינער פון די וועגן, דורך וועלכע עס דאַרפן דורכגיין די פײַנדלעכע כוחות אין צענטראַלן געטאָ אַרײַן, באַשליסן די קעמ־

פערם צו שטערן דעם דאָזיקן דורכמאַרש פון די פעלקערמערדערס און דערמיט העלפן די ברידער וואָס שטייען שוין אין קאַמף אין די טיפער ליגנדיקע שטחים פון געטאָ.

דעם 20טן אַפּריל זעקס אין דער פרי מאַרשירט אַרײַן פון דער „אַרישער" זײַט, מסתמא פון דער אײַזן־גאַס, אַ גרעסערע דײַטשע קאָלאָנע מיט טאַנקען און אַן אָרקעסטער, אין לעשנע, כדי פון דאַנען צו שפּאַנען ווײַטער צום צענטראַלן געטאָ. עס איז דער טאָג פון דעם „פּירערס" געבורט, און די היטלעריסטן זענען לוסטיק, בפרט אַז זיי גייען הרגענען ייִדן און זיי ווילן קענען מקיים זײַן דעם רוצחישן פּסוק: „און ווען פון מעסער שפּריצט דאָס ייִדנבלוט, אײַ איז דאָך ווויל און גוט". אָבער עס איז זיי באַשערט געווען נישט צו פאַרענדיקן דאָס כוליגאַנישע געזאַנג, וואָס האָט זיך באַלד פאַרוואַנדלט אין זייערע אייגענע פאַרצווייפלטע וויינגעשרייען. אומגעריכט פליִען פון די הײַזער לעשנע 74 און 76 אויף זייערע קעפּ אָנצינדפלעשער און צוויי פּעטאַרדעס, געוואָרפן דורך די קעמפערס ריווע שמוטקע און אליעזר געלער. דער אָנגריף איז געווען פאַר די דײַטשן אומגעריכט אויך דערפאַר, ווײַל אין מיטן **דער** לעשנע־גאַס גייט אַדורך אַ געטאָ־מויער וואָס טיילט אָפּ די גראָדנומערן, וועלכע געפינען זיך אין געטאָ, פון די אומנומערן, וועלכע ליגן שוין אויף דער צווייטער, „אַרישער" זײַט. אַזוי אַרום איז פאַר די דײַטשן שווער זיך צו אָריענטירן גענוי פון וואַנען עס פאַלן די קלעפּ.

די ערשטע פליִענדיקע אָנצינדפלעשער און פּעטאַרדעס זענען ערשט געווען אַן אָנהייב, אַ סיגנאַל ,וואָרעם באַלד נאָך לעשנע 74 און 76 רופן זיך אָפּ כמעט **אַלע** ייִדישע הײַזער אויף דער גאַס — פון נומער 42 ביז נומער 82, **דאָס** הייסט — אַזש ביז דער אײַזן־גאַס ,וווּ עס געפינט זיך נישט ווײַט פון לעשנע די „בעפעלשטעללע" פונעם בלוטיקן געסטאַפּאָ־ממונה איבער די ייִדן בראַנדט און דער שטאַב פון סטראָאָפּס פאַרטרעטער מאַיאָר שטערנהאַגעל. אויפן ברוק פון לעשנע, אויף דער „אַרישער" זײַט, פאַלן דײַטשע טויטע און פאַרוווּנדעטע.

אין גיכן טרעט אַרויס אויך די סמאָטשע־גאַס. אויך דורך דאַנען באַוועגט זיך אַ דײַטשע קאָלאָנע — מיט אַ טאַנק אין שפּיץ. אויך דאָ האָבן די ייִדישע קאַמפּסגרופּעס אונטערגעלייגט אַ מינע, אָבער זי רײַסט נישט אויף, און דער טאַנק גייט אַריבער. דעמאָלט ווערן די דײַטשן אַטאַקירט פון די הײַזער נומער 4, 5, 8 און 10, וווּ עס לויערן דרייסטע קאַמפּסגרופּעס אונטער דער אָנפירונג פון יאַנעק שוואַרצפּוס און לעוו רודניצקי. ערשט דעמאָלט ,ווען עס פאַלן זייערע אָנצינדפלעשער, בלײַבט דער טאַנק שטיין אין פלאַמען. „קיין מאָל פריִער און קיין מאָל שפּעטער האָבן מיר נישט איבערגעלעבט אַזאַ פּרעכטיקע מינוט", — שטעלט פעסט אַן עד־ראיה. עס שרײַבט וועגן דעם פאַקט אויך סטראָאָפּ אין זײַן ראַפּאָרט. ער האָט געמוזט וואַרפן אין קאַמף צוויי שטורעם־גרופּעס כדי צו דערשטיקן דעם אָנפאַל — ווײַזט אויס טאַקע אויף סמאָטשע. ער קאָן אָבער די אויפשטענדלערס נישט אָנכאַפּן. ער באַנוגנט זיך בלויז מיט אַרײַנרײַסן זיך אין דעם בנין לעשנע 74 און מיט דערמאָלירן דאָס הויז.

פאַרן צוריקציִען זיך פון סמאָטשע באַווײַזן נאָך די ייִדישע קעמפערס אָנצוטאָן די דײַטשן ,וואָס יאָגן זיך נאָך זיי, גענוג צרות. די העלדישקייט פון די קעמפערס האָט נישט קיין גרענעץ. איינער פון זיי איז — ווי עס גיט איבער אַ דעמאָלטיקער אונטערערדישער ראַפּאָרט פון אַ לינקן פּוילישן סאָציאַליסט — אַרויס פון אַ טויער מיטן אויסרוף: „סמאָטשע 5 גיט זיך אונטער!" ווען די דײַטשן האָבן זיך מיט אָנגעשטעלטע ביקסן דערנענטערט צום הויז, האָט מען זיי פּלוצעם פון באַהעלטענישן באַשאָסן מיט פײַער. דער ייִדישער קעמפער איז טאַקע אומגעקומען, זיך אַליין געבראַכט אַ קרבן פאַרן דערפאָלג פון זײַן קאַמפּסגרופּע, אָבער די היטלעריסטן האָבן אויך טײַער באַצאָלט.

די אויפשטענדלערס פון לעשנע האָבן כסדר פאַרנומען נײַע פּאָזיציעס. זייערע הויפּט־כוחות האָבן, נישט געקוקט אויפן מערדערישן פײַער פונעם שונא, נישט פאַרלאָרן דעם קאַמפּס־ענטוזיאַזם, הגם דער בלוטאָפּפלוס איז געווען אַ גרויסער; בלויז פון איין פּפ"ר־גרופּע, וועלכע האָט געציילט 56 קעמפערס, זענען געבליבן נאָכן 20טן אַפּריל בסך־הכל 14.

נישט געקוקט אויף דעם דאָזיקן באַדײַטנדיקן בלוטאָפּפלוס, זענען אויפן דריטן טאָג פונעם אויפשטאַנד, דעם 21טן אַפּריל ,ווידער אויסגעבראָכן פאַרביסענע קאַמפן קעגן די היטלעריסטישע ליקווידיר־פאָרמאַציעס, אויף די גאַסן לעשנע, נאָוואָליפּיע, סמאָטשע. דער גוט אינפאָרמירטע פּוילישער אָבסערוואַטאָר פון „גוואַרדזשיסטאַ" שטעלט פעסט אַז טאַקע דעם 21טן אַפּריל האָבן זיך די קאַמפן אויף אָט די גאַסן פאַרשטאַרקט נאָך מער ווי פריִער („גוואַרדזשיסטאַ" נומ' 18 פון 25טן מײַ 1943). לאָמיר צוגעבן אַז מיט אַ טאָג פריִער האָבן זיך די דײַטשע פאַבריקאַנטן מתחייב געווען לגבי סטראָאָפּן, אַז זיי וועלן צווינגען די ייִדן פון דעם שאָפּן־געביט זיך צו שטעלן פרײַוויליק צום טראַנספּאָרט. עס זענען אַרײַנגעפירט געוואָרן פאַר טאָג אָנגעזעענע מיליטערישע כוחות, כדי אָנצושרעקן די ייִדן. ק. ג. שולץ האָט געהאַלטן אַ רעדע צו די ייִדישע אַרבעטער; ער האָט צוגעזאָגט כל הגוטס אין פאַל, ווען זיי וועלען טאָן דעם רצון פון די פאַבריקאַנטן און עס־עס־לײַט און פאָרן מיטן גוטן ווילן קיין טראַווניק און פּאָניאַטאָוו. אָבער די שטעלונג פון דער ייִדישער קעמפערישער מאַסע איז געווען נישט בלויז אַ נעגאַטיווע, נאָר ממש אַ דראָענדיקע. מיט הילכיקע פּראָטעסט־אויסרופן האָט די צונויפגעזאַמלטע מאַסע געענטפערט אויף שולצס רעדע.

אונטער דער ווירקונג פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט זיך דעם 21טן אַפּריל כמעט קיינער פון די ייִדן אויף לעשנע און פון די שכנותדיקע גאַסן נישט געשטעלט. מען האָט זיך ווײַטער פאַרשטעקט אין בונקערס און כלערליי באַהעלטענישן.

דעמאָלט האָט זיך דער פאַבריקאַנט שולץ צוריקגעצויגן און צום וואָרט זענען געקומען סטראָאָפּס צעיושעטע חיילות. זיי האָבן אָנגעהויבן שלעפּן די מענטשן מיט כוח און אויפרײַסן די בונקערס. די קעמפערס האָבן געענטפערט מיט פײַער. די קאַמפן האָבן זיך אָנגעהויבן זיבן אַ זייגער אין דער פרי און געדויערט עטלעכע שעה. די ייִדישע קאַמפּסגרופּעס האָבן אונטערגעצונדן די מיליטעריש־פאַבריקאַנטישע מאַגאַזינען פון מעבלחאָלץ. די היטלעריסטישע ליקווידאַטאָרן זענען געצוווּנגען געוואָרן עטלעכע מאָל זיך צוריקצוציִען פון אַ ריי הייף. אין אַנדערע פאַלן האָבן די פאַשיסטן גובר געווען — די ייִדישע קעמפערס האָבן פאַרטיידיקט די הײַזער שפּאַן נאָך שפּאַן און שטאָק נאָך שטאָק; פאַרלירנדיק די נידעריקע גאָרנס, זענען זיי אַרויף אויף די העכערע און נישט איבערגעריסן דעם פײַער .ערשט ווען פון די הײַזער האָבן שוין געזעצט פלאַמען, האָבן זיך די קעמפערס אַראָפּגעלאָזט דורך הינטן אויף די הייף און געזוכט נײַע אָנשפּאַרפּונקטן צום ווײַטערדיקן ווידערשטאַנד.

מיט אויסערגעוויינלעכן מוט האָבן זיך אויסגעצייכנט בעת דער דאָזיקער שלאַכט אויף לעשנע, נאָוואָליפּיע, סמאָטשע און נאָוואָליפּקי די קאַמפּסגרופּעס פון די קאָמאַנדירן דוויד נאָוואָדוואָרסקי ,הערשל קאַווע ,יאַנעק שוואַרצפּוס, לאָלעק. ווי איינער פון די

בעסטע שיסערס וואָס האָט שטענדיק געטראָפן אין ציל, האָט אויפגעגלאַנצט שמעון העללער. בפרט האָבן גוט געקעמפט די הײַזער נאָוואָליפיע 61 און 63, סמאָטשע 4, 6 און 8, נאָוואָליפקי 56.

אַ צווייטער צענטער פון העלדישע קאַמפן איז דעם 21טן אַפריל געווען דאָס ברעשטער־געביט, ווּ עס האָט זיך, ווי באַקאַנט, מיט אַ טאָג פריִער אָפגעשפילט איינע פון די שטאַרקסטע שלאַכטן.

אונטער די סנאַריאַדן־קלעפ פון דעם שונאס אַרטילעריע איז דער גאַנצער פירעק פונעם ברעשטער־געביט אַרומגעכאַפט געוואָרן פון אַ העלישן פײַער. אונטער אָט דעם צעשמעטערנדיקן דרוק איז דער אָפענער יִדישער ווידערשטאַנד אײַנגעבראָכן געוואָרן. די קעמפערס באַפעסטיקן זיך אין די אונטערערדישע בונקערס ,גרייט אויפצונעמען מיט שאָסן די אַרײַנדרינגענדיקע פאַשיסטן. אַ דאַנק דעם וואָס עס פאַלן נישט מער קיין גראַנאַטן און אָנצינדפלעשער פון אויבן, קאָן דער שונא זיך אַרײַנשלײַכן אין די הייף. אָבער ווי נאָר די ערשטע פײַנדלעכע גרופע באַווײַזט זיך אינעם גרויסן הויף אויף שוויענטאָריערסקע 36, ווערט זי באַגעגנט מיט אַ האָגל פון קוילן — דאָס האָט אַ לויזע אויפשטאַנד־גרופע, וועלכע איז באַשטאַנען פון שלאָסער־ און בלעכער־אַרבעטער, די א"ג האַמעראָווצעס, אַטאַקירט פון אַ באַהעלטעניש די ליקווידאַטאָרן. די לעצטע וואַרפן עטלעכע גראַנאַטן און ציִען זיך שנעל צוריק פונעם הויף.

אָבער דער אָנגריף פון די פאַשיסטן ווערט דערמיט נישט אָפגעשטעלט. הגם זיי טרעפן אָן אויף אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אין אַ צווייטן הויף, אויף שוויענטאָיערסקע 38 און אין אַ ריי בונקערס אויף וואָלאָווע 4 (דאָ פאַרטיידיקט זיך אַ טראַנספאָרטלער־גרופע) און אין אַנדערע אַרומיקע פונקטן, געלינגט דאָך די פאַשיסטן צו כאַפן אַ ביסל יִדן. די צאָל געכאַפטע יִדן איז אָבער אַ נישטיקע. סטראָאָפ אַליין איז מודה אין זײַן טאָגראַפאָרט, אַז עס איז אים געלונגען צו כאַפן בסך־הכל 60 יִדן, בעת ער האָט זיך אָריענטירט אַז אויפן ברעשטער־געביט געפינען זיך אין אַ גרויסער צאָל בונקערס בײַ אַ 700—800 מענטשן, וועלכע ווילן נישט אַרויסגיין. מיט האַרץ־קלעמעניש מוז סטראָאָפ איבעררײַסן צוליבן צופאַל פון דער נאַכט די אַקציע אַרום דעם ברענענדיקן פירעק שווענטאָיערסקע־פראַנציסקאַנער. ער ציט פון דאַנען אַרויס זײַנע כוחות, ווײַל בלײַבן בײַ נאַכט אויג אויף אויג מיט די קאַמפגלוסטיקע יִדן האָבן די היטלעריסטן מורא געהאַט.

צווישן די חורבות און די פלאַמען פון דעם פירעק געפינט זיך די גרונטיקע גרופע פון דער יִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אויף אירע פלייצעס אויסגעטראָגן דעם קאַמף פון 20טן אַפריל. שטרעבנדיק צו ווײַטערדיקע קאַמפן מיטן אָקופאַנט און וועלנדיק קומען צו הילף די שלאַכט־חברים פון צענטראַלן געטאָ, באַשליסן די קעמפערס צו פאַרלאָזן דעם חרובן געביט און זיך פאַראייניקן מיט די הויפט־כוחות פון דער יִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. אונטערן צודעק פון דער נאַכט ציִען זיך די קעמפערס צוריק און קומען אָן אויף פראַנציסקאַנער נומער 30, ווּ עס איז פאַראַן אַ באַזע פון „זשאָב". פון דער ווייטנס ווערן די קעמפערס נאָכגעשפירט דורך דײַטשע רעפלעקטאָרן; מיט איין טרעפלעכן שאָס צעטראַסקעט און פאַרלעשט דער קעמפער ראָמאַנאָוויטש דעם רעפלעקטאָר. דער שונא איז איצט אָנמעכטיק און קאָן נישט אָנכאַפן די יִדישע קעמפערס — די נאַכט געהערט צו די לעצטע.

אין משך פון דעם זעלביקן דריטן אויפשטאַנדטאָג איז מיט פאַרטיידיקונגס־קאַמפן אַרומגענומען געוואָרן כמעט דאָס גאַנצע געטאָ. עס האָבן געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אַ סך בונקערס אויף שטשענשליווע, וואָלינסקע, מילע, ניסקע, נאַלעווקעס און פאָקאָרנע; אויף דער לעצטער גאַס האָט מיט די בונקערס־פאַרטיידיקונגען אָנגעפירט די גרופע פון מאַרישע זאָבער. די שלאַכטן בײַ די בונקערס האָבן געהאַט, ווײַזט אויס, זייער אַ שאַרפן פאַרלויף, וואָרעם סטראָאָפ שאַצט אָפ אין זײַן טאָגראַפאָרט פון 21טן אַפריל די צאָל יִדישע קעמפערס, געפאַלענע אין שלאַכט אויף 150 און די צאָל אומגעקומענע בײַם אויפרײַסן די בונקערס אויף 80. פון יִדישע קוואַלן באַקומען מיר נישט קיין גענויע ידיעות וועגן די פאַרלוסטן פון די אויפשטענדלערס אינעם אויפשטאַנדטאָג. מיר ווייסן נאָר פון דעם קאָמוניקאַט נומער 4, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן די „זשאָב"־פאָרשטייערשאַפט אויף דער „אַרישער" זײַט, אַז דעם 21טן אַפריל אין אָוונט האָט מען באַקומען פונעם אויפשטאַנדשטאַב אַ ידיעה וועגן דעם אַז די יִדן קעמפן פרעכטיק, אַז די שטימונג אין די קאַמפסגרופעס איז אַ גלענצנדיקע, אַז די פאַרלוסטן אין מענטשן בײַ די קעמפערס זענען נישט קיין גרויסע; עס פעלט אָבער אַמוניציע. „מיר וועלן קעמפן ביזן לעצטן אָטעם", — אָט איז דער שלוסאַקאָרד פון דעם דאָזיקן בריוו לויט די ווערטער פון דערמאָנטן קאָמוניקאַט.

די דאָזיקע קורצע אָפשאַצונג איז חל אויף אַלע ערשטע דרײַ טעג פונעם אויפשטאַנד.

איידער מיר וועלן איבערגיין צום ווײַטערדיקן גאַנג פון די געשעענישן ,וועלן מיר זיך אַ רגע אָפשטעלן אויף אַ פראָבלעם, וואָס איז בשעתו פאַרשידן קאָמענטירט געוואָרן. דאָס איז דער ענין פון דער פאַוויאַק־תפיסה. פון אַ ריי פוילישע קוואַלן איז אַרויסגעדרונגען אַז דעם 21טן אַפריל האָבן די אויפשטענדלערס געגרייט אַן אָנגריף אויפן פאַוויאַק, אַז די היטלעריסטישע זיכערקייט־מאַכט האָט דעריבער אינעם דאָזיקן טאָג די תפיסה עוואַקויִרט און אַז די יִדן זאָלן אַפילו האָבן דעם פאַוויאַק דעראָבערט. דאָס האָט מען געקאָנט אַרויסדרינגען פון דעם קאָמוניקאַט נומער 4 פון דער „זשאָב"־פאָרשטייערשאַפט אויף דער „אַרישער" זײַט און נאָך מער פון אַ ריי אונטערערדישע פוילישע צײַטשריפטן, בפרט פון „ראָבאָטניק" (אָרגאַן פון די לינקע סאָציאַליסטן) נומ׳ 113 פון מײַ 1943.

די זאַך איז שוין פון לאַנג געשטאַנען אונטער אַ פרעגצייכן, ווײַל ראשית גיבן די יִדישע קוואַלן, די פפ"רישע פרעסע און סטראָאָפס ראַפאָרט דעם דאָזיקן פאַקט נישט אָן; והשנית איז זיך שווער פאָרצושטעלן ווי אַזוי האָבן די אויפשטענדלערס געקאָנט אַטאַקירן און אַפילו באַהערשן אַזאַ אמתע פעסטונג ווי די פאַוויאַק־תפיסה.

לעצטנס האָט אין דער פראַגע אַרײַנגעבראַכט אַ סך ליכט די גבית־עדות פון אַ פאָליאַק, י. שפילסקי ,וועלכער איז אין יענער צײַט געזעסן אין פאַוויאַק ווי אַן אַרעסטירטער מיטגליד פון פפ"ר. פון זײַנע זכרונות דרינגט אַרויס אַז די געהיימע אָרגאַניזאַציע פון די פפ"רישע אַרעסטירטע אין פאַוויאַק האָט געהאַט אַ קאָנטאַקט מיט די פפ"ר־חברים פון דער יִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע און אַז די פאָליטישע אַרעסטירטע פון דער תפיסה האָבן געפלאַנט, קאָאָרדינירטערהייט מיט די יִדישע אויפשטענדלערס, אויסצונוצן די געשעענישן און אַנטלויפן פון פאַוויאַק דורך אַן אונטערערדישן לאַנג־צוגעגרייטן טונעל און טיילווײַז קומען צו הילף די קעמפנדיקע יִדן. צווישן די אַרעסטירטע אין פאַוויאַק איז אָבער געקומען צו חלוקי־דעות — די עלטערע א"ק־לייט האָבן נישט געוואָלט הערן און געדענקען וועגן דעם ,זיי זאָלן ווערן באַפרײַט אַ דאַנק אַ יִדישן אויפשטאַנד. דאָס איז די דאָזיקע אַנטיסעמיטן נישט אָנגעשטאַנען.

דער ענין וואָלט זיך פאַרצויגן, ווען נישט די בהלה וואָס איז צוליבן געטאָ־אויפשטאַנד אויסגעבראָכן בײַ דער היטלעריסטישער מאַנשאַפט פון דער תפיסה. די אָקופּאַציע־מאַכט האָט באַשלאָסן שנעל צו עוואַקויִרן די אַרעסטירטע, טאַקע מורא האָבנדיק, טאָמער קומט צו אַן אַקטיווער קאָאָרדינאַציע צווישן די אויפגעשטאַנענע יִדן און די פּוילישע פּאָליטישע אַרעסטירטע. אויסנוצנדיק די עוואַקואַציע און די בהלה, זענען אַ סך אַרעסטירטע אַנטלאָפן.

אַט אַזוי דערוויסן מיר זיך אַז די מעשה פּאַוויאַק, הגם זי איז ביז איצט פאַרגעשטעלט געוואָרן אין איבערגעטריבענע פאַרבן, איז אָבער נישט קיין הוילע אויסטראַכטעניש; אַז פאַרקערט, דאָס איז געווען אַן ערנסטער ענין, וועלכער איז אפשר אַרײַן אין די פּלענער פון דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אַלן פאַלס — פון געוויסע אירע גרופּעס, דער הויפּט פון די פּפּ״ר־קרײַזן אין געטאָ.

וועלנדיק דערשטיקן יעדן פּרוּוו פון אַ פאַרשטענדיקונג און צוזאַמענאַרבעט צווישן די פּוילישע פּאָליטישע אַרעסטירטע פון פּאַוויאַק און די יִדישע אויפשטענדלערס ,האָט די היטלעריסטישע זיכערקייט־מאַכט אַרויסגעפירט פּאַרטיעסווײַז גרויסע צאָלן אַרעסטירטע פּאָליאַקן אויפן געטאָ־שטח אין דער צײַט פון די קאַמפן און דאָ זיי דערשאָסן. צוזאַמען זענען אין לויף פון דער געטאָ־ליקווידאַציע אויף אַזאַ אופן דערמאָרדעט געוואָרן בײַ אַ 5000 פּוילישע פּאָליטישע אַרעסטירטע. אין איינער פון די פּאַרטיעס דערשאָסענע איז אומגעקומען דער קאָמענדאַנט פון דער וואַרשעווער פאָלקסגוואַרדיע סטאַניסלאַוו סקריפּי („סילוועסטער"), וועלכער האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן בײַם אָרגאַניזירן די הילפאַקציעס פאַרן קעמפנדיקן געטאָ, וועגן וואָס מיר האָבן שוין דערמאָנט און וועגן וועלכע עס וועט אויסקומען צו רעדן.

...עס איז שוין געווען דאָנערשטיק, דעם 22טן אַפּריל, דער פערטער טאָג פונעם אויפשטאַנד. דער אויסזען פון געטאָ האָט זיך אין משך פון די פּאָר טעג שטאַרק געענדערט. די שׂרפות, וואָס זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך די אויפרײַסן פון די הײַזער און בונקערס, זענען דורך קיינעם נישט געלאָשן געוואָרן און האָבן געהוליעט אומגעשטערט. און דאָך האָבן די קעמפערס נישט קאַפּיטולירט, און די גרונטמאַסע פון די יִדן האָט זיך פרײַוויליק נישט אונטערגעגעבן און איז נישט אַרויס צום טראַנספּאָרט. דער שונא האָט אינעם דאָזיקן טאָג באַנוצט צום ערשטן מאָל גאַז, וואָס זענען אַרײַנגעלאָזט געוואָרן אין די קאַנאַלן ווּ עס האָבן זיך געזאַמלט יִדן. סטראָאָפּ רופט עס אָן אין זײַנע ראַפּאָרטן „נעפּלליכט", אָבער פון די פעסטשטעלונגען פון אַ גאַנצער ריי עדות דרינגט אַרויס אַז דאָס איז געווען גאַז. פון דעמאָלט אָן האָבן די ליקווידאַטאָרן אָנגעווענדט גאַז אומעטום אין די בונקערס וואָס האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד.

אויף דעם דאָזיקן ווידערשטאַנד האָבן זיך די דײַטשן אָנגעטראָפן אין אַ גרויסער צאָל בונקערס אין משך פונעם פערטן און פינפטן טאָג: ווידער אויף שוויענטאָיערסקע און צום ערשטן מאָל אויף פראַנציסקאַנער און אַנדערע גאַסן, וואָס זענען געלעגן טיפער אין צענטראַלן געטאָ. ווי מען קאָן זיך משער זײַן פון סטראָאָפּס טאָגראַפּאָרט, האָבן דעם 22טן אַפּריל לכל הפּחות 15 בונקערס געשטעלט אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. קאַמפן אויף אייבערשטע שטאָקן און בוידעמס זענען דעם טאָג אויסגעבראָכן אויף לעשנע 56 און אויף נאָוואָליפּיע.

דעם זעלביקן טאָג זענען ווידער געקומען צו הילף די אַנטי־פאַשיסטישע פּאַטריאָטן פון דער פּוילישער זײַט. אַ גרופּע פון דער פאָלקסגוואַרדיע האָט 4 אַ זייגער מיט 25 מינוט נאָך מיטאָג דורכגעפירט אַ וויכטיקן סאַבאָטאַזש־אַקט אויף די הינטערוואַרשעווער באַנליניעס. דער דאָזיקער סאַבאָטאַזש האָט דעזאָרגאַניזירט אויף צוויי טעג דעם פאַרקער פון וואַרשעווער באַנקנופּ און ממילא געשטערט די טראַנספּאָרטן, צוו״אַ קיין טרעבלינקע, פּאָניאַטאָוו און טראַווניק. מיט דער דאָזיקער אַקציע האָט אָנגעפירט פראַנצישעק באַרטאָשעק, וועלכער איז אונדז שוין באַקאַנט פון דער בראַווער אַקציע פונעם 20טן אַפּריל.

דעם פערטן אויפשטאַנדטאָג האָט אויך געהאַט אַן אָרט אַן אַטאַקע פון אַ פּוילישער פּאַטריאָטיש־אַנטיפאַשיסטישער גרופּע אויף די היטלעריסטן אין דער געגנט פון באָניפראַטן־גאַס און מוראַנאָווער פּלאַץ. דער ציל פון דעם אָנגריף איז געווען: דורכרײַסן די דײַטשע קייט און מאַכן אַ וועג פאַר יִדן צו אַנטלויפן. די אַטאַקירנדיקע גרופּע איז באַשטאַנען פון פאָלקסגוואַרדיסטן, פּפּ״ר־חברים און מיטגלידער פון דער דעמאָקראַטישער גרופּע פונעם איצטיקן טוער פון נאַציאָנאַלן פראָנט באַרטשיקאָווסקי (אַ געוועזענער פּאַרטיידיקער אין פּאָליטישע פּראָצעסן אינעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן). דער אָנגריף איז טיילווײַז געלונגען. עס דערמאָנט וועגן דעם אויך סטראָאָפּ אין זײַן טאָגראַפּאָרט. אין רעזולטאַט זענען אַ סך יִדן, אויסנוצנדיק די קעגנזײַטיקע שיסערײַ און די מהומה, אַריבער אויף דער „אַרישער" זײַט 2).

אויף צו מאָרגנס, דעם 23טן אַפּריל, האָט די פאָלקסגוואַרדיע דורכגעפירט אַ גרויסע צענטראַלע אַקציע צו הילף דעם קעמפנדיקן געטאָ, אין דרײַ פּונקטן: אינעם ראַיאָן פון אַלטשטאָט, בײַ לעשנע און אין דער געגנט פון אָקאָפּאָווע. דער אָנגריף פון דער פאָלקסגוואַרדיע אויף פרעטע־גאַס אויף אַלטשטאָט האָט געהאַט פאַר אַ ציל ווידער צו מאַכן אַ וועג די יִדן צו אַנטלויפן. ווי עס דרינגט אַרויס פון סטראָאָפּס טאָגראַפּאָרט, האָט זיך דאָ, אין איינעם פון די הײַזער, געפונען אַ דורכגאַנגפּונקט פון די פּליטים פון געטאָ. דער שונא האָט טאַקע, ווײַזט אויס, מיטן ציל צו פּאַראַליזירן דעם דאָזיקן פּונקט אַרויסגעשיקט אַהער זײַנע באַוואָפנטע מענטשן, וואָס זענען אָנגעקומען אויף אַ לאַסטאויטאָ. דער אויטאָ מיט די זשאַנדאַרן איז בליץ שנעל אַטאַקירט געוואָרן דורך דער פאָלקסגוואַרדיסטישער גרופּע אונטער דער אָנפירונג פונעם שפּאַנישן קעמפער ד״ר הענריק שטענהעל („גוסטאַוו"). דער אָנפאַל איז געלונגען

---

2) אין זײַן בוך „דער חורבן און אויפשטאַנד פון די וואַרשעווער יִדן", זײַטן 42—43, שטעלט מ. נײַשטאָט אונטער אַ פראַגצייכן די ידיעה, וואָס איז דעם 11טן מײַ 1943 אָנגעגעבן געוואָרן פון מאָסקווע דורך דעם מחבר פון די דאָזיקע שורות, אַז אַ סך הונדערטער יִדן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן דורך פּוילישע קעמפערס פון ברענענדיקן געטאָ און אַז פּוילישע אַנטיפאַשיסטן האָבן געקעמפט אויף יענער זײַט געטאָ־מויער. נײַשטאָטס כוונה איז אַ קלאָרע — דערפירן ביז צו אַ מינימום די הילף מצד די פּוילישע אַנטיפאַשיסטן־פּאַטריאָטן. די ידיעה האָט דעמאָלט געשטאַמט פון אַ גוט אינפאָרמירטן מיליטערישן קוואַל; איצט ווערט זי באַשטעטיקט דורך עטלעכע באַגלייבטע עדי־ראיה, וועלכע געפינען זיך אין פּוילן, בתוכם צוויי פון די פּוילישע קאָמאַנדירן פון דער דאָ באַשריבענער אַקציע אין דער געגנט פון באָניפראַטן־גאַס און מוראַנאָווער פּלאַץ, און אַ יִדישן אָנטייל־נעמער אין די געשעענישן אויפן זעלביקן געביט. די ידיעה ווערט אויך באַשטעטיקט דורך סטראָאָפּס ראַפּאָרט.

פולשטענדיק. די היטלעריסטן זענען דערהרגעט געוואָרן, דער אויטאָ — פאַרברענט, דער דורכגאַנגפּונקט איז דערווײַל געוואָרן אָפּגעראַטעוועט.

אויף לעשנע האָבן אויף דער אינעווייניקסטער זײַט פונעם געטאָ־מויער נאָך אַלץ אָנגעהאַלטן די ייִדישע פאַרטיידיקונגס־קאַמפן; זיי מיינט עס מסתמא סטראָאָפּ אין זײַן טאָגראַפּאָרט, אונטערשטרײַכנדיק אַז „די ייִדן און באַנדיטן 3) האָבן זיך געהאַלטן ביזן לעצטן מאָמענט, כדי דערנאָך צו באַשיסן די אָנגרײַפנדיקע איינהייטן. עס זענען אַפילו באַנוצט געוואָרן (דורך די ייִדן — ב. מ.) ביקסן". עס ווערט אויך קלאָר, וועמען עס איז אויסן סטראָאָפּ אין דעם ראַפּאָרט מיט די ווערטער: „אין משך פון הײַנטיקן טאָג, דעם פינפטן טאָג פון די קאַמפן, האָט מען, ווײַזט אויס, געצוווּנגען צום קאַמף די גרעסטע טעראָריסטן און אַקטיוויסטן". מען קאָן דרייסט אָננעמען אַז די דאָזיקע ווערטער באַציִען זיך צו די ייִדישע שלאַכטלײַט פון דעם געביט וווּ עס האָבן זיך געפונען אַ סך באַוווּסטזיניקע אַנטיפאַשיסטישע קעמפערס, און סטראָאָפּ איז אָפּט מאָל געווען גוט אינפאָרמירט דורך דער זיכערקייט־פּאָליציי.

עס האַנדלט זיך דאָ נישט אין דער פּינקטלעכער צאָל ייִדן, נאָר אין דעם פאַקט גופא. דער גרעסטער טייל פון די אַרויסגעפירטע דורך דאַנען ייִדן איז שפּעטער אומגעקומען אָדער אין פּאַרטיזאַנישער שלאַכט, אָדער דורך די פאַרברעכערישע הענט פון נס"ז־לײַט.

צו הילף די דאָזיקע פּאָזיציעס פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געשיקט געוואָרן דעם 23טן אַפּריל די צווייטע גרופּע פון דער פאָלקסגוואַרדיע אונטער דער אָנפירונג פון אַנטאָני גראַבאָווסקי („אַנטעק"), וועלכער איז פּונקט ווי שטענהעל־גוסטאַוו אויך געווען אַ שפּאַנישער קעמפער. עס האָט זיך פאַרקניפּט אַ קאַמף צווישן דער פאָלקסגוואַרדיע און די צאָלרײַכע וואַכפּאָסטנס פון זשאַנדאַרמעריע און פּאָליציי אין דער געגנט פון לעשנע. דער כוחות־פאַרמעסט איז נישט געווען קיין גלײַכער. צו הילף גראַבאָווסקיס גרופּע זענען געקומען גוסטאַווס קעמפערס, וועלכע האָבן נאָר וואָס אָפּגעהאַלטן אַ פולן נצחון אויף פרעטאַ־גאַס. אין קאַמף אויף לעשנאָ זענען געפאַלן צוויי פּוילישע קעמפערס, לעשעק און וולאַדעק (יעזשי בערסקי).

אינעם זעלביקן טאָג, אויפן 23טן אַפּריל, האָט די הויפּט־אָנפירונג פון דער פאָלקסגוואַרדיע אָרגאַניזירט — אַלס צייכן פון סאָלידאַריטעט מיטן געטאָ־אויפשטאַנד — אַ ריי אַקציעס אין גאַנצן לאַנד. ווי עס דרינגט אַרויס פונעם קאָמוניקאַט פונעם פאָלקסגוואַרדיע־שטאַב פאַרן חודש אַפּריל 1943, זענען לויט דער דערמאָנטער ליניע פאָרגעקומען וויכטיקע סאַבאָטאַזש־ און קאַמף־אַקציעס אויף די באַנליניעס אין וואַרשעווער, לובלינער, ראַדאָמער געגנט און באַוואָפנטע אָנפאַלן אויפן אָקופּאַנט אין מיעלעץ, ראַדאָם און אין קעלצער געגנט. אַ סך פון אָט די אַקציעס זענען דורך דער פאָלקסגוואַרדיע דורכגעפירט געוואָרן דעם 23טן אַפּריל גופא. אַנדערע — אין די ווײַטערדיקע אַפּריל־טעג. אויף אַזאַ אופן איז מאַניפעסטירט געוואָרן די וואָפן־ברודערשאַפט מיטן קעמפנדיקן געטאָ. צוליב דער נעגאַטיווער, פאַררעטערישער שטעלונג פון דער א"ק־אָנפירונג זענען די פּפּ"ר און פאָלקסגוואַרדיע געווען דער איינציקער כוח אין לאַנד וואָס איז אַרויס מיט באַוואָפנטע מעשים אין שוץ און סאָלידאַריטעט מיט די ייִדישע אויפשטענדלערס. „דער א"ג באַגרענעצטער קאַמף — האָט געשריבן מיט פאַרביטערונג דער פּפּ"ר־אָרגאַן „גלאָס וואַרשאַווי" פון 28טן אַפּריל 1943 — וואָס ווערט פּראָפּאַגירט דורך דער פּוילישער רעאַקציע, האָט זיך דאָס מאָל באַגרענעצט צו נול".

די הילף פון פּפּ"ר און פון דער פאָלקסגוואַרדיע האָט זיך נישט באַשרענקט צו שלאַכט־אַרויסטריטן. ממש מיט איבערמענטשלעכן אָנשטרענג האָבן די שליחים פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — יורעק זאָלאָטאָוו, טוביה שיינגוט (טאַדעק) א"אַ — און די ספּעציעל צוגעטיילטע טוערס פון פּפּ"ר און פון דער פאָלקסגוואַרדיע — לענטשיצקי, לעגעץ, קאָוואַלסקי א"אַ — געזאַמלט געווער און אַמוניציע און איבערגעוואָרפן אין געטאָ אַרײַן. דער קוואַרטירמײַסטער פון דער פאָלקסגוואַרדיע, עדוואַרד באָניסלאַווסקי, איז פּערזענלעך געגאַנגען צו די געטאָ־מויערן, וואָרשײַנלעך מיטן ציל אײַנצואָרדענען דעם ענין, און איז גלײַך אין די ערשטע טעג געפאַלן אין אומגלײַכן קאַמף מיט זשאַנדאַרן. די גוואַרדיסטקע זאָפיאַ קרענגלעווסקאַ האָט דורך כלערליי וועגן געטראָגן די טײַערע מתנות צום געטאָ. ווי עס דרינגט אַרויס פון סטראָאָפּס צוגאַבדערקלערונגען, האָט מען צווישן די טראָפּייען אין געטאָ געפונען געווער פון סאָוועטישן אָפּשטאַם — אַראָפּגעוואָרפענע פאַר די פּאַרטיזאַנערס; אויך אַ טייל פון דעם געווער האָט געטראָפן אין געטאָ אַרײַן. די אויפשטענדלערס האָבן אויך דעראָבערט געווער בײַ אומגעקומענע דײַטשן אין לויף פון די קאַמפן. אָבער טראָץ אַלע באַמיִונגען האָבן די אויפשטענדלערס פאַרמאָגט גאָר גאָר ווייניק וואָפן. שוין אין זײַן בריוו פון 23טן אַפּריל אַלאַרמירט אַניעלעוויטש, אַז עס פעלט געווער. און די וואָס זענען געווען די בעלי־בתים פון די גרעסטע אַרסענאַלן, די א"ק־פירערס האָבן זיי פאַרקלאַפּט אויף זיבן שלעסער און פאַרוווערט און טאָרמאָזירט דעם דראַנג פון זייערע אייגענע פּשוטע זעלנערס צו מעשים.

דער מאַנגל אין געווער איז געווען איינע פון די עיקר־סיבות וואָס האָבן פאַרשנעלערט דעם סוף פון די פּרעכטיקע קאַמפן פון די ערשטע פּאָר טעג. און פון דעסט וועגן האָט דער אויפשטאַנד — אין פאַרשידענע פאָרמען — געדויערט ווײַטער.

— 6 —

די קאַמפן צווישן פּלאַמען ביזן 10טן מיי

„אין פראָנטאַלן אָנגריף איז דאָס געטאָ געווען נישט צום דעראָבערן" — אַזוי האָט אין יענע שטורמישע טעג אָפּגעשאַצט די לאַגע דער הויפּטאָרגאַן פון פּפּ"ר „טריבונאַ וואָלנאָשטשי" (פרײַהייט־טריבונע). שוין אין משך פון די ערשטע דרײַ־פיר טעג האָבן זיך די היטלעריסטישע אָרגאַנען איבערגעצײַגט אין דער דאָזיקער ווירקלעכקייט און פאַרשטאַנען אַז מיט געוויינלעכע אונטערדריקונג־מיטלען וועט נישט געלינגען אַזוי שנעל צו דערשטיקן און אײַנלעשן דעם פײַער פון אויפשטאַנד. און דאָס האָט געוויס באַאומרויִקט די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דער היטלעריסטישער זיכערקייט־מאַכט אין בערלין. דאָרטן האָט מען מסתמא געהאַלטן אַז סטראָאָפּס מעטאָדן זענען נאָך אַלץ ווייניק ווירקזאַם. דעריבער שיקט הימלער אַרויס דורך קריגערן צו סטראָאָפּן אַ געהיימע דעפּעשע מיט אַ באַפעל אַדורכצופירן די „אויסרייניקונג" פונעם געטאָ „מיט דער גרעסטער שטרענגקייט און פולשטענדיקער ריקזיכטלאָזיקייט". „איך האָב זיך דעריבער דעצידירט — ראַפּאָרטירט סטראָאָפּ — אויף אַ פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון דעם ייִדישן וווינבאַצירק דורך פאַרברענען אַלע הײַזערבלאָקן, ד"ה אויך

---

3) אומעטום ווו סטראָאָפּ שרײַבט „באַנדיטן" דאַרף מען לייענען: קעמפערס, אויפשטענדלערס אָדער פּאַרטיזאַנער.

די װאָס האָבן זיך געפֿונען בײַ די באַװאָפֿענונג־פֿאַבריקן. אײן פֿאַבריק נאָך דער צװײטער איז געװען סיסטעמאַטיש אױסגעלײדיקט און דערנאָך פֿאַרניכטעט דורך פֿײַער".

אַזױ אַרום האָט זיך אָנגעהױבן די צװײטע פֿאַזע פֿון די געשעענישן אינעם קעמפֿנדיקן און ברענענדיקן געטאָ, די צװײטע פֿאַזע װאָס איז באַדינגט געװאָרן דורך דער סטיכיע פֿונעם פֿײַער, קעגן װעלכער די אױפֿשטענדלער און די געטאָ־אסורים בכלל האָבן זיך נישט געקאָנט קעגנשטעלן. די ליקװידאַטאָרישע האָרדעס, אָדער — װי סטראָאָפּ רופֿט זײ אָן אין זײַן ראַפּאָרט — די „דורכקעמונגשטורם־אָפּטײלונגען" זענען געגאַנגען סיסטעמאַטיש פֿון ראַיאָן צו ראַיאָן, פֿון גאַס צו גאַס און הױז נאָך הױז אױפֿגעריסן מיט דינאַמיט די װױנערטער און דערנאָך די אונטערערדישע באַהאַלטפּונקטן פֿון די יִדן. די אױפֿגעריסענע געבײַדעס און בונקערס האָבן אונטער זײערע חורבות באַגראָבן לעבעדיקערהײט טױזנטער שוצלאָזע מענער, פֿרױען, קינדער, זקנים און שלאַפֿע. װען מען לײענט די דעמאָלטיקע באַשרײַבונגען פֿון דער ריזיקער שׂרפֿה, די קאָמוניקאַטן פֿון דער „זשאָב"־פֿאַרשטײערשאַפֿט אױף דער „אַרישער" זײַט, די פּױלישע אונטערערדישע פּרעסע, די „זשעגאָטאַ"־ביולעטינען, די באַריכטן און גבֿיות עדות פֿון יִדן, די רעלאַציעס פֿון די היטלעריסטישע פֿאַרברעכערס — װערט מען אױפֿגעציטערט פֿון דעם אומגעהײַערן טײַװלאָנישן פֿאַרנעם פֿון דער דאָזיקער פֿעלקערמערדערישער רציחה. די פּױלישע אונטערערדישע פּרעסע האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז זינט דעם אונטערצינדן רױם דורך דעם קײסער נעראָן איז נאָך אַזאַ געװאַלדיקע שׂרפֿה אין אײראָפּע נישט געװען. עס האָט געפֿלאַקערט אַ גאַנצער ראַיאָן אין מיטן פֿון אַ גרױסער מיליאָניקער שטאָט, אַ דריט־חלק פֿון װאַרשע איז געשטאַנען כּסדר אין משך פֿון עטלעכע װאָכן אין העלישע פֿלאַמען, און צוזאַמען מיט די הײַזער און גאַסן האָט דער ריזיקער פֿײַער אײַנגעשלונגען טױזנטער לעבעדיקע מענטשן. און װער עס האָט זיך אַרױסגעריסן פֿון פֿײַער, איז געפֿאַלן פֿון די קױלן פֿון די צעיושעטע אין זײער מערדערישער הנאה עס־עס־לײַט, אָדער איז דערטרונקען געװאָרן אין די שמוציקע װאַסערן פֿון די אונטערערדישע קאַנאַלן.

אין די פֿאַרשידענע מאַטעריאַלן און בפֿרט אױפֿן װאַרשעװער פּראָצעס פֿון די פֿעלקערמערדערס סטראָאָפּ און קאָנראַד שװימען אױף דאַנטעיִשע סצענעס פֿון דעם גרױל װאָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין געטאָ בעת דער ריזיקער אומאױפֿהערלעכער שׂרפֿה. צו די סאַמע אױפֿטרײסלענדיקע בילדער פֿונעם גרױל געהערן די באַשרײַבונגען פֿון די „לעבעדיקע טאָרפּעדאָס" — די מענטשן װאָס זענען געשפּרונגען פֿון די ברענענדיקע הײַזער, די מוטערס װאָס האָבן צו ערשט אַראָפּגעװאָרפֿן זײערע קינדער און דערנאָך אַלײן געשפּרונגען פֿון באַלקאָנען, פֿון װעלכע עס האָבן שױן געזעצט פֿלאַמען. די שפּרינגענדיקע מענטשן האָבן שױן געברענט — עס איז שױן אױף זײ געװען אָנגעצונדן דאָס אָנטאָן, די האָר. אַ סך מאָל האָט געטראָפֿן אַז אַזאַ לעבעדיקער פֿאַקל האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אין אַ פֿענצטער אָדער באַלקאָן — דעמאָלט האָבן סטראָאָפּס צעװילדעװעטע יונגען געשאָסן אין דעם קרבן, און װען ער איז געפֿאַלן אױף דער ערד און זיך געקאָרטשעט אין װײען, אַרומגענומען נאָך אַלץ מיטן פֿײַער, האָבן זיך די באַנדיטן לוסטיק געמאַכט און נישט געװאָלט שענקען דעם אומגליקלעכן קײן „גנאָדשאָס", ביז ער איז אין שרעקלעכע ענױים אױסגעגאַנגען.

װי שטאַרק איז דעריבער געװען די שׂנאה פֿון דעם לעצט ביסל יִדן צו די פֿאַשיסטישע רוצחים, װי פֿעסט איז געװען זײער דעציזיע, אױב זײ האָבן ליבערשט געװאָלט אומקומען אין פֿײַער, אָדער שטיקן זיך אָן לופֿט אין די ענגע, איבערגעפֿולטע אונטערערדישע בונקערס און נישט אַרױסגײן פֿרײַװיליק צום טראַנספּאָרט, װוּ זײ האָבן געהאַט אַ מעגלעכקײט פֿון נאָך אַ שטיקל צײַט צו לעבן, אָדער אפֿשר אױך אַ ברעקל האָפֿענונג אױף אַרױסצוגליטשן זיך פֿון די הענט פֿון לױערנדיקן מלאך־המות. נישט געקוקט אױף דער טראַגישער פּערספּעקטיװ פֿאַרברענט צו װערן לעבעדיקערהײט, האָט די יִדישע באַפֿעלקערונג מיט אַ װוּנדערלעכער עקשנות נישט געפֿאָלגט די כּסדרדיקע אױפֿפֿאָדערונגען פֿונעם שונא אַרױסצוגײן אױפֿן הױף און זיך איבערגעבן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. אין זײַן טאָגראַפּאָרט פֿון 29טן אַפּריל מוז טאַקע סטראָאָפּ פֿעסטשטעלן אַז „די יִדן און באַנדיטן, נישט געקוקט אױפֿן ריזיקן פֿײַער, האָבן בעסער געװאָלט זיך אומקערן צו אים (צום פֿײַער — ב. מ.) אײדער אַרײַנצופֿאַלן אין אונדזערע הענט... כּסדר, ביזן סוף פֿון דער אַקציע האָבן די יִדן געשאָסן אַזױ, אַז בײַם סוף פֿונעם טאָג האָט אַ פּיאָנערן־גרופּע (דײַטשע סאַפּערן — ב. מ.) געמוזט אונטערן צודעק פֿון אַ קױלן־װאַרפֿער דעראָבערן אַ שטאַרק בעטאָנען הױז".

אין אָט דער נײַער שױדערלעכער אַטמאָספֿער, װען דער גאַנצער אַרום איז פֿאַרטױבט געװאָרן דורך כּסדרדיקע דעטאָנאַציעס פֿון די דינאַמיט־אױפֿרײַסן און דער פֿײַער איז געװען אַזױ שטאַרק, אַז דער אַספֿאַלט אױף די ברענענדיקע גאַסן האָט זיך װי אַ גליִיִקע מאַסע צעגאָסן װי בלאָטע און געבריט די פֿיס, האָט די יִדישע קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע אַרױסגעװיזן אַ מאַקסימום פֿון באַהערשונג און קאַלט בלוט. אין משך פֿון גאַנצן טאָג פֿונעם 29טן אַפּריל זענען װײַטער פֿאָרגעקומען קאַמפֿן אױף נאַלעװקעס, מילע, מוראַנאָװער פּלאַץ, ניסקע, נאָװאָליפּיע. די קאָאָרדינאַציע צװישן די פֿאַרשידענע פּאָזיציעס פֿון די אױפֿשטענדלערס איז, נישט געקוקט אױפֿן פֿײַער און אױפֿן כאַאָס, אײַנגעהאַלטן געװאָרן. אָבער די הױפּטזאָרג פֿון דער יִדישער קאַמפֿס־אָרגאַניזאַציע איז איצט געװען די פֿאַרצװײפֿלטע לאַגע פֿון די יִדן אין יענע בונקערס, װאָס זענען דעמאַסקירט געװאָרן צוליב די אױפֿרײַסן. עס איז באַשלאָסן געװאָרן דורכצופֿירן אַ געװאַגטע אַקציע פֿון עװאַקויִרן די באַפֿעלקערונג פֿון די דאָזיקע בונקערס אין אַנדערע מער זיכערע ערטער. אַזױ איז דורכגעפֿירט געװאָרן די עװאַקואַציע פֿון דעם גרױסן בונקער אױף מילע 29. די דאָזיקע ריזיקאַלישע אונטערנעמונג איז אַדורך אין אַ מוסטערהאַפֿטער אָרדענונג. פֿון פֿאָרנט און בײַם סוף זענען געגאַנגען די קעמפֿערס, באַװאָפֿנט מיט ביקסן, רעװאָלװערן און גראַנאַטן, און צװישן זײ — די מאַסע פּליטים, װעלכע זענען אַריבערגעפֿירט געװאָרן אין אַ לעת־עתּה מער זיכערן בונקער, אין אַ צװײטן פּונקט אױף דער זעלביקער מילע־גאַס. בעת דער דאָזיקער עװאַקואַציע האָבן זיך אױסגעצײכנט די קאַמפֿסגרופּעס פֿון פּאַװעל ברוסקין און לײב (לוטעק) ראָטבלאַט, װעלכע האָבן געדעקט פֿון הינטן די אַריבערגעפֿירטע מאַסע. אַן ענלעכע עװאַקואַציע האָט אױך געהאַט אַן אָרט אױפֿן געביט פֿון מילע 37; די מענטשן האָט מען אַריבערגעפֿירט אין אַ צװײטן בונקער אױף מילע 7. די עװאַקואַציע איז דאָ געשיצט געװאָרן דורך די קאַמפֿסגרופּעס פֿון לײב גרוזאַלץ און דװיד האָכבערג. דער לעצטער איז געפֿאַלן מיט אַ העלדנטױט בעת דעם פּלוצעמדיקן אָנגריף פֿון די דײַטשן. האָכבערג האָט מיט זײַן אײגענעם קערפּער פֿאַרשטעלט דעם שמאָלן אַרײַנגאַנג, שיצנדיק און באַגינסטיקנדיק דערמיט די לעצטע גרופּע יִדן אַרױסצוגײן פֿון אַ צװײטער זײַט; און בײַ דער פּאָזיציע איז דער מסירת־נפֿשדיקער קאָמאַנדיר געפֿאַלן, געטראָפֿן פֿון שונאס קױל.

די דאָזיקע עװאַקויִר־אַקציעס געהערן צו די שענסטע אױפֿטוען פֿון די יִדישע קעמפֿערס בעתן אױפֿשטאַנד. זײ דערװײַזן, װי

גרויס עס איז געווען די זאָרג פון די אויפשטענדלערס פאַר דער געליטענער באַפעלקערונג, ווי שטאַרק עס זענען געווען די פעדעם, וואָס האָבן פאַרבונדן די ייִדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציעס מיט דער ברייטער מאַסע. די דאָזיקע בראַווע אַקציעס באַשטעטיקן נאָך אַ מאָל אַז די מילע־גאַס האָט זיך אין יענער צײַט — און דאָס איז דאַן שוין געווען דער פינפטער טאָג פונעם אויפשטאַנד — געפונען אין גאַנצן אין די הענט פון די אויפשטענדלערס, נישט געקוקט אויף אַלע אַטאַקעס פונעם שונא אויף אָט דער הויפטגאַס פון „זשאָב”, וועגן וועלכער עס האָט זיך שוין גערעדט פריִער.

די נײַ געשאַפענע סיטואַציע האָט געצוווּנגען דעם שטאַב פונעם אויפשטאַנד אַריבערצוגיין צו אַ פרישער קאַמפטאַקטיק, אָנצווענדן די פאָרויסגעזעענע אינעם פלאַן מעטאָדן, וועלכע זענען איצט געווען צוגעפאַסט צו די געענדערטע פלאַצדאַרם־באַדינגונגען. הגם מען קאָן נישט זאָגן אַז די שרפה האָט אויסגעשלאָסן בכלל אָפענע גאַסנקאַמפן, און אַזעלכע זענען פון צײַט צו צײַט ווײַטער אויסגעבראָכן דאָ און דאָרטן, מוז מען אָבער פאַרשטיין אַז דער פעריאָד (אויב מען קאָן אַזאַ אויסדרוק באַנוצן צו אַ אָפשניט פון עטלעכע טעג) פון בײַטאָגיקע קאַמפן אויף דער ערד־אייבערפלאַך האָט זיך געענדיקט; זיי זענען פון איצינד אָן געווען אוממעגלעך מחמת דעם, וואָס די קעמפערס האָבן נישט געקאָנט האָבן קיין אָנשפאַרפונקט אין אויסגעברענטע, צעקרישלטע הײַזער, און דאָס נאָך אין באַדינגונגען פון אומאויפהערלעכע שרפות. די קעמפערס זענען איצט איבערגעגאַנגען צו דער א״ג פאַרטיזאַנישער טאַקטיק, וואָס איר באַזע זענען געווען די אונטערערדישע בונקערס, און באַשטאַנען איז די דאָזיקע טאַקטיק אין פלוצעמדיקע בײַנאַכטיקע איבערפאַלן אויפן שונא. צוזאַמען מיט די דאָזיקע נאַכט־איבערפאַלן זענען איצט מיט אַ סך אַ ברייטערן פאַרנעם אויסגעבראָכן באַוואָפנטע בונקער־פאַרטיידיקונגען. אַזוי אַרום איז דער עיקרדיקער קאַמף איבערגעטראָגן געוואָרן אונטער דער ערד, פון וואַנען עס זענען אויך געגאַנגען די אָפטע איבערפאַלן.

די נײַע טאַקטיק סיגנאַליזירט סײַ די דעמאָלטיקע פפ״רישע פרעסע, סײַ אַניעלעוויטש אין זײַן בריוו פון 23טן אַפריל. אין משך פון די ערשטע צוויי נעכט — פון 23טן און פון 24טן אַפריל — זענען פאָרגעקומען באַוואָפנטע נאַכטאָנפאַלן אויף דײַטשע פאַטראָלן אויף די גאַסן: קוזשע (מײַזעלס), מילע, דזשיקע, שטשענשליווע, בײַם אומשלאַג־פלאַץ, אויף שוויענטאָיערסקע, וואָלאָווע און לעשנע; מיט אַנדערע ווערטער: כמעט אויפן גאַנצן שטח פון ברענענדיקן געטאָ. אַזעלכע אָנפאַלן האָבן זיך איבערגעחזרט אויך אין די ווײַטערדיקע נעכט.

לײדער ווייסן מיר נישט אין אַלע פאַלן גענוי וואָס עס האָט זיך געטאָן אין די פאַרשידענע צאָלרײַכע אונטערערדישע פאָזיציעס פון די אויפשטענדלערס אין משך פון 23טן אַפריל ביזן 1טן מײַ. לאָמיר נישט פאַרגעסן אַז פון די גרויסע צאָלן ייִדישע קעמפערס — סײַ פון „זשאָב”, סײַ פון די לויזע בונקער־גרופעס — זענען געבליבן לעבן יחידים און זיי זענען נישט געווען אין שטאַנד צו וויסן וועגן אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אויפן גרויסן שטח — פון לעשנע ביז סאַפיעזשינסקע און פון פראַנצישקאַנער ביז אָקאָפאָווע. אויך פון דער ציווילער באַפעלקערונג, וואָס איז געווען אין אַ סך פאַלן אַן עדות פון די געשעענישן, האָבן איבערגעלעבט אייניצלנע מענטשן. די ייִדישע דאָקומענטן פון די געשעענישן ווערן וואָס ווײַטער אַלץ ווייניקער. אַזוי אַרום ווייסן מיר נישט, צום באַדויערן, ווי עס האָבן אויסגעזען די קאַמפן אויף די באַזונדערע אָפשניטן אין משך פון דער באַרירטער צײַט. אויפן סמך פון די ברעקלעך פון די ייִדישע גביות־עדות, פון די קאַרגע ידיעות, וואָס האָבן דעמאָלט דערגרייכט צו דער פוילישער אונטערערדישער פרעסע, פון סטראָאָפס ראַפאָרט און פון זײַנע צוגאָב־דערקלערונגען בײַ פאַרשידענע געלעגנהייטן, קאָן מען אויסרעכענען אַ ריי שלאַכטן, וואָס האָבן זיך אָפגעשפילט ביזן 1טן מײַ, מיט דער באַוואָרעניש אָבער אַז דאָס שעפט ווײַט נישט אויס אַלע קאַמפן פון דער צײַט און אַז מיר זענען נישט אין שטאַנד צו געבן אַ פאַרגאַנצטע שילדערונג פונעם פאַרלויף פון די שלאַכטן. אַפילו סטראָאָפס ראַפאָרט, דער בלי שום ספק וויכטיקסטער דאָקומענט פון דעם איצט באַהאַנדלטן צײַט־אָפשניט (און אויך פון דער גאַנצער צײַט), רעדט וועגן די קאַמפן ס׳רוב אָן גענויער אָנווײַזונג ווו זיי זענען קאָנקרעט פאָרגעקומען, און נאָר ערטערווײַז באַמערקט ער פינקטלעך די ערטער פון די צוזאַמענשטויסן. קיין פולשטענדיק גענוי בילד באַקומען מיר אויך נישט אין דעם דאָזיקן בדרך כלל יסודותדיקן דאָקומענט.

אַזוי אַרום קאָנען מיר אויסרעכענען די ווײַטערדיקע קאַמפס־געשעענישן אין דעם צײַטאָפשניט פון 25טן אַפריל ביזן ערשטן מײַ:

דעם 25טן אַפריל האָט די ייִדישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע געליטן אַ וויכטיקלעכן פאַרלוסט. דער שטאַב האָט אַרויסגעשיקט אַן אויסשפיר־גרופע אויסצוזוכן נײַע וועגן פאַר די קאָנטאַקטן מיט די פרײַנד אויף דער „אַרישער” זײַט. עס האָט זיך געהאַנדלט אין צוריקשטעלן די פאַרבינדונגען, וואָס זענען איבערגעריסן געוואָרן צוליב די געשעענישן פון דעם לעצטן טאָג. די אויסשפיר־גרופע איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון דעם שונא און איז אומגעקומען אין אַן אומגלײַכן קאַמף.

אין משך פון די דרײַ טעג — דעם 25טן, 26טן און 27טן אַפריל האָט זיך די פאַרטיידיקונג־באַוועגונג אין די בונקערס שטאַרק אויסגעשפרייט. דעם 26טן אַפריל, למשל, מוז סטראָאָפ מודה זײַן אינעם טאָגראַפאָרט: „אַלע אָפטיילונגען אָן אויסנאַם (מײַן קורסיוו — ב. מ.) האָבן אָפגעגעבן מעלדונגען וועגן אָנגעטראָפענעם ווידערשטאַנד... עס ווײַזט זיך אַלץ מער אַרויס אַז איצט קומט די ריי אויף די צום מערסטן פאַרביסענע און האַרטנעקיקע ייִדן און באַנדיטן”. ווי מיר זעען, חזרט איבער דער הויפט־ליקווידאַטאָר שוין צום צווייטן מאָל ,אַז איצט קומט די ריי אויף די סאַמע פאַרביסענע קעמפערס. סטראָאָפס שטוינונג וועט נאָך ווײַטער וואַקסן אַלץ מער. דער אויפשטאַנד האָט טאַקע געמוזט אָננעמען אַנדערע פאָרמען, אָבער ער איז געוואָרן ברייטער און פאַרביסענער.

וואָס שייך דעם 27טן אַפריל, זענען מיר אין שטאַנד אָפצומערקן פרישע בונקערקאַמפן אויף נאָוואָליפקי, לעשנע, נאָוואָליפיע און ניסקע. גענויער איז אונדז באַקאַנט דער קאַמף פון אַ בונקער־גרופע אויף נאָוואָליפקי 40. די גאַנצע באַוואָפענונג פון דער גרופע איז באַשטאַנען פון דרײַ פיסטאָלעטן. ווען די תלינים זענען אַרײַן אינעם הויף און אויפגעפאָדערט די ייִדן אַרויסצוגיין, האָט די בונקער־גרופע געענטפערט מיט אַ שאָסן־סעריע. אָבער דער שונא איז געווען שטאַרקער. מיט אַ הוראַ־געשריי האָבן זיך די פאַשיסטן אַרײַנגעריסן דורך אַ דורכבראָך אינעם בונקער. אַ טייל פון די פאַרטיידיקערס נעמט אײַן ציאַנקאַלי. איינע פון די קעמפערינס, די 36יעריקע העליאַ שטערלינג, נישט האָבנדיק שוין קיין קוילן, וואַרפט זיך מיט אַ נאַגײַקע אויף די דײַטשן. זי ווערט דערשאָסן אויפן אָרט. פון די אַנדערע ווערט אַ טייל באַלד דערהרגעט און אַ טייל ווערט אַרויסגעפירט אויפן אומשלאַג־פלאַץ.

אַן ענלעכן, הגם אַ מער קעמפֿעריש, פֿאַרלויף האָט די שלאַכט וואָס איז פֿאָרגעקומען דעם זעלביקן 27טן אַפּריל בײַם בונקער אויף לעשנע 74, ווּ עס האָט זיך פֿאַרטיידיקט אַ גרופּע פֿון דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. אויפֿן דאָזיקן בונקער האָבן די דײַטשן, ווײַזט אויס, געלויערט שוין פֿון לאַנג. דאָ איז געווען אַ צענטראַלע באַזע פֿון די, וועלכע סטראָאָפּ באַצייכנט ווי די צום מערסטן פֿאַרביסענע און האַרטנעקיקע יִדן" — די קאַמפּסגרופּעס פֿון רוזשקע ראָזענפֿעלד און הערש קאַווע. נאָך אַ לאַנגן פֿאַרביסענעם ווידערשטאַנד זענען די קעמפֿערס געבליבן שטיין פֿאַר אַ טראַגישער לאַגע: דער שונא, נישט קענענדיק דעראָבערן דעם בונקער, האָט אים פֿאַרפֿלייצט מיט וואַסער. די אויפֿשטענדלערס הייבן אָן זיך איבערטראָגן פֿון אָרט צו אָרט. די דײַטשן געלינגט צו מאַכן אַ דורכבראָך. עס פֿאַרקניפּט זיך דער לעצטער טראַגישער געראַנגל. די מסירת־נפֿש פֿון די העלדישע בחורים און מיידלעך ווייסט נישט פֿון קיין גרענעצן. דאָ האָט זיך עס אָפּגעשפּילט די רירנדיקע סצענע, ווען די יונגיטשקע קעמפֿערין האַלינקע ראָכמאַן האָט פֿאַרשטעלט מיט איר אייגענעם קערפּער די קאָמאַנדירין רוזשקע ראָזענפֿעלד, אויסרופֿנדיק אַז די לעצטע איז נייטיקער. אין אומגלײַכן קאַמף זענען אַחוץ ראָכמאַן געפֿאַלן רוזשקע ראָזענפֿעלד, הערשל קאַווע, זאָכע בזשעזשינסקאַ, טאַסיע צעבולאַזש, שרה קלייבאַן, רודניצקי, שמעון העללער. בײַ אַנדערע אומשטאַנדן, בײַם פּרוּוו זיך אַדורכצורײַסן, איז אומגעקומען די קעמפֿערין כאַנטשע פּלאָטניצקאַ, וועלכע האָט זיך פֿריִער אויך געפֿונען אויפֿן לעשנע־געביט.

אין דער זעלביקער מער ווייניקער צײַט זענען געפֿאַלן נאָך אַ ווידערשטאַנד די בונקערס אויף נאָוואָליפּיע 67 און 69.

דעם 27טן אַפּריל האָט סטראָאָפּ אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלן שטורעם־אָנגריף אויף ניסקע־גאַס, וואַרפֿנדיק אין שלאַכט 320 אָפֿיצירן און זעלנערס. די יִדן האָבן געשטעלט אַ פֿאַרצווייפֿלטן ווידערשטאַנד און — ווי עס דריקט זיך אויס סטראָאָפּ אין זײַן טאָגראַפּאָרט — „געשאָסן ביזן לעצטן מאָמענט". געוויס באַציִען זיך אויך צו די דאָזיקע געשעענישן אויף ניסקע די ווערטער פֿון סטראָאָפּס ראַפּאָרט וועגן די לאָזונגען קעגן די פֿאַשיסטישע האָרדעס און די קללות אויף היטלערן, וואָס די קעמפֿערס און אַנדערע יִדן האָבן געוואָרפֿן, שפּרינגענדיק פֿון די ברענענדיקע באַלקאָנען און פֿענצטער.

די דאָזיקע געשעענישן אויף ניסקע שילדערט אין זײַנע דערקלערונגען אויף סטראָאָפּס און קאָנראַדס פּראָצעס אַ פּוילישער עדות, אַ דעמאָלטיקער פּאָליציאַנט, וואָס האָט זיך יענעם טאָג געפֿונען אויף דער דאָזיקער גאַס. ער גיט צווישן אַנדערס איבער וועגן אַ שטאַרקער בונטאַרישער רעדע פֿון אַ יִדישער פֿרוי אין מיטן די פֿלאַמען אויף אַ ברענענדיקן באַלקאָן. דער אומפֿאַרגעסלעכער אײַנדרוק פֿון אָט דער שילדערונג שטייט נאָך הײַנט פֿאַר די אויגן פֿון די, וועלכע האָבן עס געהערט.

דעם זעלביקן טאָג האָט געהאַט אָן אָרט, ווי עס דרינגט אַרויס פֿון סטראָאָפּס ראַפּאָרט, אַ מערקווירדיקע דערשײַנונג אויף ביידע זײַטן פֿון מוראַנאָווער פּלאַץ. אויף דער „אַרישער" און אויף דער געטאָ־זײַט. עס האָט זיך מיט אַ מאָל געיאַוועט אַ שטאַרקע געמיינזאַמע יִדיש־פּוילישע קאַמפּסגרופּע אין דער צאָל פֿון 120 פּערזאָן. די סכנה פֿאַר די דײַטשן איז געווען גרויס און דראָענדיק, ווײַל אָט גיסן זיך אַריבער די קאַמפֿן אין די פּוילישע ראַיאָנען. דער הויפּט־ליקווידאַטאָר טרויט אָן די שווערע קעגנאַקציע דעם שופּאָ־לייטענאַנט דיהל וועלכער בינדט אָן אין שפּיץ פֿון אַ שטאַרקער אָפּטיילונג אַ קאַמף מיט דער יִדיש־פּוילישער באַוואָפֿנטער גרופּע. מצד די לעצטע פֿאַלן אין שלאַכט 24 קעמפֿערס, אַ טייל פֿאַלט אַרײַן אין געפֿאַנגענשאַפֿט. מורא האָבנדיק פֿאַר אַן איבערחזרונג פֿון אַזאַ געפֿערלעכער דערשײַנונג, פֿירט דורך די היטלעריסטישע זיכערקייט־פּאָליציי נײַע מאַסן־אַרעסטן צווישן דער פּוילישער באַפֿעלקערונג 1).

מען קאָן אָננעמען אַז די געשילדערטע דורך אונדז פֿאַרלויפֿן פֿון די בונקער־פֿאַרטיידיקונגען אויף נאָוואָליפּקי 40 און אויף לעשנע 74 און פֿון די קאַמף־געשעענישן אויף ניסקע, זענען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַלע ענלעכע בונקערשלאַכטן און אַנדערע קאַמף־פּאַסירונגען אין ברענענדיקע הײַזער, סײַ דעם 27טן אַפּריל, סײַ שפּעטער. ווּ שטאַרקער, ווּ שוואַכער, האָבן די דאָזיקע קאַמפֿן אומעטום געהאַט — קען מען זיך דרייסט משער זײַן — אַן ענלעכן אויסזען.

אויף צו מאָרגנס, דעם 28טן אַפּריל, ברעכן איבער אַ נײַעם אויס קאַמפֿן אויף לעשנע. אמת, אונטערן דרוק פֿון דעם שונאס אומאויפֿהערלעכן פֿײַער און פֿון ווײַטערדיקע „פֿרידלעכע" מאַנעוורען פֿון דעם פֿאַבריקאַנט ק. ג. שולץ און אַנדערע ברעכט זיך אײַן אַ טייל באַהאַלטענע יִדן, פֿון דעם ווייניקער שטאַנדהאַפֿטיקן נישט־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן. אָבער די שטימונג פֿון דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז ווײַטער אַן אַנטשלאָסענע. די בונקערס אויף לעשנע 76 און 78, ווּ עס געפֿינט זיך אַ פּראָלעטאַרישער עלעמענט, שטעלן אַ האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד, נישט געקוקט אויף די ידיעות וועגן דעם גורל פֿון דער שכנותדיקער פּאָזיציע אויף לעשנע 74. סטראָאָפּ פֿירט אַרײַן אויף דעם געביט פֿרישע פֿאַרשטאַרקונגען און אין דער נאַכט פֿון 28טן אויפֿן 29טן אַפּריל לאָזט ער אין גאַנג אַעראָפּלאַנען, וועלכע וואַרפֿן אַראָפּ באָמבעס. היות דער אַקטיווער און פּאַסיווער ווידערשטאַנד אין שולצס פֿאַבריק דויערט דעם 29טן אַפּריל ווײַטער, דעצידירט זיך סטראָאָפּ צו קאָנצענטרירן די גרעסטע כּוחות אויף דעם אָפּשניט און אין משך פֿון דרײַ טעג אַ סוף צו מאַכן מיט דעם ווידערשטאַנד, וואָס פֿאַרציט זיך שוין, לויט זײַן מיינונג, צו לאַנג.

די נאַכט פֿון 28טן אויפֿן 29טן אַפּריל איז ווידער אַן אומרויִקע. נישט בלויז וואָס עס זענען טעטיק דעם שונאס אַעראָפּלאַנען, נאָר אויך די קעמפֿערס בלײַבן נישט אָפּהענטיק. אויפֿן געביט פֿון צענטראַלן געטאָ קומען ווידער פֿאָר נאַכטאָנפֿאַלן אויף די פּאַטראָלירנדיקע עס־עס־לײַט. און ווען עס שטייט אויף אַ פֿרישער פֿרימאָרגן, וואָס איז ענלעך צו אַלע פֿריִערדיקע, ראַנגלען זיך ווײַטער די פֿאַרטיידיקערס פֿון לעשנע קעגן די איבערוועגנדיקע קרעפֿטן פֿון שונא. אָבער דאָס איז שוין אַ שווערער געראַנגל. די כּוחות הייבן אָן אויסצוגיין. עס פֿאַלט דעמאָלט דער באַשלוס: — אין הסכּם מיט דער אָנפֿירונג פֿון דער פֿאָלקסגוואַרדיע — אַרויסצונעמען אַ טייל קעמפֿערס פֿון די אונטערגייענדיקע פּאָזיציעס אויף לעשנע, כּדי זיי אַריבערצוּוואַרפֿן הינטער וואַרשע, ווּ זיי וועלן זיך

---

1) דער אין אַלגעמיין נישט שלעכט אינפֿאָרמירטער פּוילישער אונטערערדישער כראָניקער, דער עקאָנאָמיסט לודוויק לאַנדוי, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ ווערטפֿולן טאָגבוך, פֿאַרצייכנט אויך בײַ זיך דעם 28טן אַפּריל וועגן אַ קאַמף וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט מיט אַ טאָג פֿריִער אין דער געגנט פֿון סאַפּיעזשינסקע. ער מיינט געוויס דערמיט דעם קאַמף אויף מוראַנאָוו, וועגן וועלכן עס ראַפּאָרטירט סטראָאָפּ. דאָס וואָס לאַנדוי שרײַבט דאָ וועגן סאַפּיעזשינסקע, איז אפֿשר אַ רעמיניסצענץ פֿון דער שלאַכט אויף סאַפּיעזשינסקע דעם 20טן אַפּריל.

קאָנען אָנשליסן אין די פּאַרטיזאַנישע רייען פון דער „גוואַרדיאַ לודאָווא“.

די עקספּעדיציע, וועלכע איז אָרגאַניזירט און צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם פּפּ״ר־פאָרשטייער פראַנציִשעק לענטשיצקי („בראָדאַ“) און דעם קאָמאַנדיר פון דער פאָלקסגוואַרדיע יוזעף סאַלעצקי („סענק“), ווערט דורכגעפירט דורך דעם שרעקלאָזן גוואַרדיסט וולאַדיסלאַוו גאַיק („קשאַטשעק“). אַ גרופּע פון פערציק געטאָ־אויפשטענדלערס פון לעשנע און פון די שכנותדיקע פּאָזיציעס ווערט אַרויסגעפירט דורך די פאָלקסגוואַרדיסטן מיטן שווערן וועג פון די אונטערערדישע קאַנאַלן ביזן עק אײַזן־גאַס און אָגראָדאָווע, וווּ זיי גייען אַרויס און ווערן איבערגעפירט אינעם וועלדל אין לאָמיאַנקע, הינטער וואַרשע. דאָ דאַרפן זיי זיך אויסרוען און צוזאַמען מיט די ווײַטערדיקע גרופּעס, וואָס וועלן נאָך ווערן אַרויסגעפירט, אָנשליסן זיך אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג.

בעת דער דאָזיקער עקספּעדיציע איז געשען אַ פאַל, וואָס איז ווערט צו ווערן אונטערגעשטראָכן מחמת דער הויכער מדרגה פון קעגנזײַטיקער חברישער קרבנותפולקייט, וואָס האָט דורכגעדרונגען די ייִדישע קעמפערריין. די מיטגלידער פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע ,די יונגע רעגינע פודען און שלמה באַרטשינסקי, זענען ,נאָכן דורכמאַכן דעם איבערמענטשלעכן וועג פונעם קאַנאַל, מיטן אייגענעם ווילן צוריקגעגאַנגען, כדי צו ווײַזן דעם וועג און אַדורכפירן די קעמפערס וואָס זענען געבליבן אין געטאָ. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ פולן דין וחשבון פון זייער קרבן. און פון דעסט וועגן האָט זיי קיין שום זאַך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן. צוריק זענען זיי שוין נישט געקומען. וואָרעם אין צווישן האָט זיך די ידיעה וועגן די ערשטע אַרויסגעפירטע אויפשטענדלערס פאַרשפּרייט בליץ שנעל, און סטראָאָפּ האָט באַפוילן אויפצורײַסן עטלעכע קאַנאַל־אַרויסגענגג. דער איצטיקער וועג איז שוין געווען אָפּגעשניטן. די פאָלקסגוואַרדיע האָט גענומען זוכן אַנדערע ערטער, כדי צו קאָנטינויִרן די רעטונג־אַקציע.

עס איז קלאָר אַז בײַ אַזאַ לאַגע, ווען קעגן די אויף די פּאָזיציעס פאַרבליבענע אויפשטענדלערס האָבן זיך צוזאַמענגעשווירן די גלענצנדיק באַוואָפנטע קרעפטן פון די היטלעריסטן און די נישט־געצוימטע סטיכיע פונעם אַלץ־פאַרשלינגענדיקן פײַער, האָט זיך בײַ אַ ריי פּוילישע אָבסערוואַטאָרן פון די געשעענישן אין געטאָ געקענט דערוועקן דער אײַנדרוק, אַז די קאַמפן דערנענטערן זיך צו זייער טראַגישן סוף. אַזוי האָט, למשל, אין יענע טעג, אָפּגעשאַצט דעם מצב דער זייער גינסטיקער פאַר די אויפשטענדלערס פּוילישער כראָניקער לודוויק לאַנדוי. אַזוי האָט זיך אויך גערעכנט דער אָנפירער מיט דער ליקווידיר־אַקציע סטראָאָפּ. אַזוי האָט געקענט דיקטירן דער קאַלטער שכל. אָבער די דעציזיע פון די ייִדישע קעמפערס איז געווען אַ האַרטע. נישט געקוקט אויף אַלץ און אַלעם, נישט געקוקט אויפן געוואַלדיקן בלוטאָפּפלוס, האָט דער אַקטיווער ווידערשטאַנד אויפגעפלאַקערט אויף ס׳נײַ. דעם 30טן אַפּריל מוז סטראָאָפּ ווידער אָנערקענען, אַז „בײַ נאַכט גייען באַוואָפנטע ייִדן אַרויס פון די באַהעלטענישן אָדער בונקערס און דראָען די ייִדן מיט דערשיסן אין פאַל, זיי וועלן זיך אויף אַ וועלכן נישט איז אופן אַנטפּלעקן“. דעם ערשטן מײַ און אויך אין משך פון די ווײַטערדיקע טעג האָט דער אויפשטאַנד אַ שטײַג געטאָן מיט פרישע גרויסע העראָיִשע מעשים.

...די רויטע פאָן, וואָס האָט געפלאַטערט איבערן בונקער פון אַ ייִדישער קאַמפּסגרופּע אויף מילע־גאַס אין די ערשטע טעג פונעם אויפשטאַנד, איז געווען נישט בלויז אַ סימבאָלישער אויסדרוק פון די געפילן וואָס האָבן דורכגעדרונגען די קעמפערס פון וואַרשעווער געטאָ. אין די סאַמע שווערסטע מינוטן פון זייער איבערמענטשלעכן געראַנגל האָבן די געטאָ־אויפשטענדלערס טיף אַדורכגעלעבט זייערע אינטערנאַציאָנאַליסטישע געפילן. אָט דער באַוווּסטזײַן, אַז זיי זענען אַ טייל פון דעם ריזיקן לאַגער פון דער לײַדנדיקער און קעמפנדיקער מענטשהייט, האָט די ייִדישע געטאָ־קעמפערס צוגעגעבן כוח אויסצוהאַלטן די גאַנצע צײַט פון נסיון און אויך אויפן לעצטן עטאַפּ. איינער פון די שענסטע אויסדרוקן פון דעם אינטערנאַציאָנאַליסטישן באַוווּסטזײַן און געפיל פון די לעצטע פאַרטיידיקערס פונעם ייִדישן כבוד אין וואַרשעווער געטאָ איז געווען דער באַזונדער אַקצענטירטער אופן ווי זיי האָבן אויפגענומען דעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַמפּס־יום־טוב פון אַרבעטער־קלאַס ,דעם ערשטן מײַ.

אַ מערקווערדיקער איז געווען דער ערשטער מײַ 1943 אין אָקופּירטן פּוילן בכלל און אין ברענענדיקן געטאָ בפרט. אין זײַן ערשטמאַיִקן אויפרוף האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי גערופן דאָס פאָלק צו בויען דעם אַנטיפאַשיסטישן קאַמפּספראָנט און צום נאַציאָנאַלן באַוואָפנטן אויפשטאַנד. מיט אַ באַזונדערער אונטערשטרײַכונג דערמאָנט דער אויפרוף דעם אויפשטאַנד אין געטאָ און רוקט אַרויס דעם קאַמף פון תלינים״ — זאָגט זיך אינעם אויפרוף. — „אויך די ייִדן אין וואַרבלוטיקער און פאַרדינטער נקמה ווענדן זיך קעגן די היטלעריסטישע תלינים — זאָגט זיך אינעם אויפרוף. —״ אויך די ייִדן אין וואַרשע און אין אַנדערע שטעט האָבן, זענענדיק דורך און דורך די פּערפידיע פון די היטלעריסטישע רוצחים ,זיך געשטעלט העלדיש און ווירקזאַם צום קאַמף״. „און אין אַנדערע שטעט״ — דאָס מיינען די מחברים פונעם ערשטמײַיִקן אויפרוף געוויס די ערשטע אַקטיווע זעלבשוץ פון די ייִדן אין ביאַליסטאָקער געטאָ (5—12 פעברואַר 1943), די העלדישע אַקטן פון דער ייִדישער יוגנט אין קראָקע און דאָס מאַסן־לויפן צו די פּאַרטיזאַנער אין אַ ריי שטעטלעך אין לובלינער און וואַרשעווער געגנט.

מיט פאַרשידענע קאַמפּסאַקציעס האָט די פאָלקסגוואַרדיע אין וואַרשע אָפּגעמערקט דעם יום־טוב פון די אַרבעטנדיקע מאַסן.

אין פלאַקערנדיקן געטאָ איז דער ערשטער מײַ אַדורך אונטערן צייכן פון אויפגעשטיגענע קאַמף־אַרויסטריטן. געוויס האָט מען אין אַלע בונקערס, וווּ עס האָט נאָר געטליִעט אַ פלאַם פון ווידערשטאַנד, געהייליקט דעם רויטן קאַמף־יום־טוב מיט אַקטיווע מעשים. אונדז איז באַקאַנט, ווי אַזוי עס האָבן געהאַנדלט די פאַראייניקונגען פון די קאַמפּסגרופּעס אין דרײַ דעמאָלטיקע צענטערס פונעם אויפשטאַנד: אויפן אָפּשניט לעשנע־נאָוואָליפּיע־סמאָטשע, אינעם צענטראַלן בונקער פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף מילע 18 און אויף פראַנציִשקאַנער.

אין דער נאַכט פון 30טן אַפּריל אויפן ערשטן מײַ, ערב דעם יום־טוב, האָבן עטלעכע קאַמפּסגרופּעס אַטאַקירט די דײַטשע פּאַטראָלן אויפן אָפּשניט לעשנע 76—נאָוואָליפּקיע 69. בעת די צוזאַמענשטויסן זענען געפאַלן קרבנות אויף ביידע זײַטן. אויף צו מאָרגנס האָבן די קעמפערס, וואָס האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין אַ פרישן בונקער אויף לעשנע 74, אינעם זעלביקן הויף וווּ עס איז דעם 27טן אַפּריל פאָרגעקומען די אויבן באַשריבענע שלאַכט, אָנגעשטעלט אַכט אין דער פרי דעם ראַדיאָ אויף מאָסקווע און זיך צוגעהערט מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צו די ווערטער פון סטאַלינס ערשטמײַיִקן באַפעל. דערנאָך האָבן זיי אײַנגעאָרדנט אַ מערקווערדיקע אַקאַדעמיע. אַלע 17 אָנוועזנדיקע קעמפערס האָבן זיך

אַרײַנגעשטעלט אין די קליאַפּעס רויטע געוואַנטבלימעלעך און אויסגעהערט דעם ראַפּאָרט פונעם אַלטן קאָמוניסטישן טוער שכנא פײַנגאָלד. אַלע האָבן אַרויסגעפילט — שילדערט אָט די אויסנאַמיקע ערשטמײַיִקע פײַערונג דער עד־ראיה בערנאַרד באָרג — די גאַנצע אויסערגעוויינלעכקייט, דעם גאַנצן טראַגיזם פון דער לאַגע, און איינצײַטיק האָבן די ווערטער פונעם רעפערענט אַרויסגערופן אַזוי פיל דערהייבענע געפילן: „אונדזער קאַמף וועט האָבן אָן שום צווייפל אַ גרויסן היסטאָרישן באַטײַט נישט בלויז פאַרן יִדישן פאָלק, נאָר אויך פאַר דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון גאַנץ אייראָפּע, וואָס קעמפט קעגן היטלעריזם". דער רעפערענט — דערציילט ווײַטער דער עד־ראיה — האָט יעדן איינעם צוגעגעבן מוט און פאַרשטאַרקט דעם באַוווּסטזײַן אַז פריִער אָדער שפּעטער מוז דער היטלעריזם פאַרניכטעט ווערן. עס וועט לײַכטער זײַן צו שטאַרבן מיטן באַוווּסטזײַן פון דעם אומפאַרמײַדלעכן אומקום פון דעם שונא. „האַלטנדיג דאָס געווער אין דער האַנט, האָבן מיר שטיל געזונגען: דאָס וועט זײַן שוין דער לעצטער!". זינגענדיק דעם „אינטערנאַציאָנאַל", האָבן מיר אַלע געפילט אַז עס דערנעענטערט זיך אונדזער סוף".

אויף אַן ענלעכן אופן איז געפײַערט געוואָרן דער ערשטער מײַ אינעם בונקער אויף מילע 18. כדי צו אַקצענטירן די אַנדערשקייט פון דעם געיומטובטן טאָג, האָבן די קעמפערס פון מילע 18 באַשלאָסן דאָס מאָל אָנצוגרײַפן דעם שונא נישט בײַ נאַכט, נאָר אין מיטן העלן טאָג. פאַר מיטאָג האָבן זיי מיט אַן אומגעריכטער אַטאַקע צעטריבן אַ גרופּע פונעם שונא פאַרן הויז פון נאַלעווקעס 47. די אויפשטענדלערס האָבן געטראָגן מיליטערישע העלמען, וועלכע זיי האָבן בעת די פריִערדיקע קאַמפן דעראָבערט בײַ די פעלקערמערדערס. אַ דאַנק דעם האָט זיך דער שונא לכתחילה נישט געקאָנט אָריענטירן און איז זיך בײַם ערשטן זעץ צעלאָפן, איבערלאָזנדיק אויפן פּלאַץ דרײַ טויטע. אין אַ קורצער צײַט אַרום זענען די היטלעריסטן צוריקגעקומען און געעפנט אויף די יִדן אַ פײַער פון אַלע זײַטן. אָבער די אויפשטענדלערס האָבן זיך בעסער אַן עצה געגעבן אין דעם געביט, וואָס איז געווען פול מיט חורבות און לעכער. אָן פאַרלוסטן האָבן זיך די יִדישע נקמה־נעמערס צוריקגעקערט אין זייער אונטערערדישער באַזע.

לפי ערך אין דער זעלביקער צײַט זענען אַרום יִדישע באַוואָפנטע גרופּעס פונעם באַפעסטיקטן בונקער אויף פראַנציסקאַנער 30 און אויסגעפירט אַן ענלעכע קאַמפס־אויפגאַבע. אין אָוונט, נאָך די דורכגעפירטע נקמה־אַקטן, האָט די גרופּע אויסגעהערט אַ פײַערלעכן אַפּעל לכבוד דעם ערשטן מײַ און אָפּגעזונגען בשתיקה דעם „אינטערנאַציאָנאַל". „קיין מאָל איז נאָך דער „אינטערנאַציאָנאַל" נישט געזונגען געוואָרן אין אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע, טראַגישע באַדינגונגען — שטרײַכט אונטער דער עד־ראיה מאַרעק עדעלמאַן —, אין אַן אָרט וווּ עס איז אומגעקומען און עס גייט אונטער דאָס פאָלק; די דאָזיקע ווערטער און דער געזאַנג האָבן זיך אָפּגעשלאָגן פון די פאַרברענטע חורבות, באַשטעטיקנדיק דאָס מאָל אַז אין געטאָ קעמפט אַ יוגנט, וועלכע פאַרגעסט נישט וועגן דעם (וועגן ערשטן מײַ — ב. מ.) אַפילו אין אָנבליק פון טויט".

די פּלוצעמדיקע אַרויספאַלן פון דער „יִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע" דעם ערשטן מײַ האָבן אַלאַרמירט דעם שונאס שטאַב. פון בײַטאָג אָן הייבן אָן די היטלעריסטן אַ מערדערלעכע קאַנאָנאַדע אויף די געטאָ־חורבות. סטראָאָפּ חזרט איבער אַ נײַס איבער זײַן טאַקטיק: ער נעמט צונויף אַ טייל פון זײַנע כוחות אין אַ פויסט און טוט אַ שלאָג אין אַ באַשטימטן פּונקט. די רעשט פון זײַנע איינהייטן וואַרפט ער דורכצונישטערן פאַרשידענע געביטן פונעם געטאָ. דאָס מאָל איז דער צענטראַלער קלאַפּ ווידער געקערעוועט קעגן די פּאָזיציעס פון די אויפשטענדלערס אויף לעשנע 76 און 78. די יִדישע קעמפערס שטעלן אַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד. אַז דעם ערשטן מײַ האָבן געוואָלט אָפּמערקן מיט אַ פאַרשטאַרקטן קעגנשטעלן זיך יִדן פון פאַרשידענע פּונקטן, זאָגן עדות די ווײַטערדיקע פאַקטן, וואָס עס פאַרנאָטירט סטראָאָפּ: אין די טראַנספּאָרט־רייען איז געקומען צו אַ קאַמפּס־אַרויסטריט; אַ געכאַפּטער יִיד אינעם טראַנספּאָרט גיט אָפּ צוויי שאָסן צו פּאָליציי־אָפיצירן; און בײַם אַרויסגאַנג פון אַ קאַנאַל האָט אַ יִיד אַוועקגעשטעלט אַן אויפרײַס־לאָדונג, וואָס איז אונטערגעלייגט געוואָרן דורך די עס־עס־לײַט, מיטן ציל אויפצורײַסן די קאַנאַללאָך.

רעכענענדיק זיך מיט אַן אויפשטײַג פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, פאַרשטאַרקט סטראָאָפּ בײַ נאַכט זײַנע כוחות אין געטאָ.

דעם ערשטן מײַ האָט זיך אויך אָנגעהויבן איינע פון די גרעסטע און בלוטיקסטע שלאַכטן אינעם אויפשטאַנד. דאָס איז געווען דער קאַמף אויף פראַנציסקאַנער 30, וועלכער זאָל האָבן געדויערט מיט איבעררײַסן דרײַ טעג צײַט.

אין דעם גרויסן בונקער אויף פראַנציסקאַנער 30 האָבן זיך צונויפגענומען עטלעכע קאַמפסגרופּעס — אַן אָרטיקע און די לעבן געבליבענע פון דעם בערשטער־געביט און צום טייל פון נאַלעווקעס. נישט געקוקט אויף די שווערע קאַמפן וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט און אויף דעם באַדײַטנדיקן בלוטאָפּפלוס, האָבן די גרופּעס געאָטעמט מיטן דעצידירטן ווילן צו קאָנטינויִרן דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד. מען האָט זיך געגרייט צום ווײַטערדיקן קאַמף, און איינצײַטיק איז געפירט געוואָרן אַ פּאָליטיש־אויפקלערערישע אַרבעט. טראָץ דעם וואָס די לאַגע איז געווען אַ טראַגישע, וואָס אין איינעם מיט די קעמפערס און געזונטע ציווילע מענטשן זענען געלעגן שווער קראַנקע און אַפילו גוססדיקע, בתוכם דער געטאָ־כראָניקער שמואל ווינטער, דער היסטאָריקער טולאָ ניסענבלאַט א"אַ, איז אָבער דער גײַסט פון די אויפשטענדלערס נישט געווען געבראָכן. עס איז מערקווערדיק: די הויפּטשמועסן האָבן זיך געדרייט אַרום דער לאַגע אויפן מיזרח־פראָנט, אַרום די ריכטונגען פון דער קאָנטראָפענסיווע פון דער סאָוועטישער אַרמיי. די מענטשן האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון זייער טראַגישער לאַגע, פון דעם אַז עס רוקט זיך אָן דער סוף, אָבער זיי האָבן געזאָגט — ווי עס גיט איבער אַן עד־ראיה: און פון דעסט וועגן איז לײַכטער צו שטאַרבן מיטן באַוווּסטזײַן, אַז די היטלעריסטישע מפּלה איז אומפאַרמײַדלעך.

עס האָבן זיך דאָ, אויף פראַנציסקאַנער 30, קאָנצענטרירט די שלאַכט־דערפאַרענע קאַמפסגרופּעס פון די קאָמאַנדירן: יורעק גרינשפּאַן, יורעק בלאָנעס, מאַרעק עדעלמאַן, הענעק גוטמאַן און הערש בערלינסקי.

ווען דער שונא איז צוגעטראָטן „דורכצוקעמען" דעם געביט פון דער פראַנציסקאַנער גאַס, האָט ער זיך אָנגעטראָפן אויף דעם אַנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד מצד די דאָזיקע גרופּעס פון דער יִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע.

די אויפשטענדלערס האָבן דאָ אָנגעווענדט די טאַקטיק וואָס האָט, ווי ס'איז שוין באַמערקט געוואָרן, געבראַכט אַ דערפאָלג בעת די יאַנואַר־געשעענישן. כדי צוצושמידן די אויפמערקזאַמקייט פון דער ליקווידאַטאָרישער אָפּטיילונג צום בונקער גופא, האָבן די יִדן געענטפערט אויפן ערשטן דײַטשן גראַנאַטן־אָנגריף מיט אַ קוילן־שיסערײַ, און אין דער זעלביקער צײַט איז אַ גרופּע אַרום

פונעם בונקער דורך א הינטערגאנג און אטאקירט דעם שונא מן־הצד; אזוי ארום זענען די פעלקערמערדערס גענומען געווארן אין צוויי פייערן. נאך א לענגערן קאמף האט זיך דער שונא צוריקגעצויגן, צונעמענדיק מיט זיך די דערהרגעטע און פארוואונדעטע. ביים אנפאל פון הינטן־ארום אויף דער היטלעריסטישער אפטיילונג האבן זיך אויסגעצייכנט אברהם דיאמענט („אברהם קאפראל"), איינער פון די בעסטע שיסערס פון דער ייִדישער קאמפס־ארגאניזאציע, און דער יונגער קעמפער אברהם אייגער, וועלכער האט באשאסן די דייטשן פון א הויכן שטאק און זיך נישט אונטערגעגעבן, הגם ער איז געווארן ארומגערינגלט, אויסגעהאלטן אויפן פאסטן ביזן לעצטן אטעם; ער איז אראפגעפאלן פון זיין פאזיציע אין גאנצן א דורכגעלעכערטער ווי א זיפ דורך דעם שונאס קוילן.

דאס איז געווען דעם ערשטן מיי.

אויף צו מארגנס האבן זיך די פאשיסטן געיאוועט מיט פארשטארקטע כוחות. די ייִדן האבן מיטן גרעסטן אנשטרענג און מיט באדייטנדיקע קרבנות אפגעשטויסן די פייער־אטאקעס. עס זענען שווער פארוואונדעט געווארן אין די שלאכטן די קאמאנדירן מארעק גרינשפאן און הענעק גוטמאן.

נישט קענענדיק נעמען דעם בונקער מיט כוח, האט דער שונא דעם דריטן מיי ארייננעלאזט גאז. די קעמפערס האבן פארבאריקאדירט דעם אריינגאנג מיט פארשידענע ציגל און שטיינערברוך; דער ציל איז געווען: ארויסשלייכן זיך דורך א זייטיקן ארויסגאנג אן פארלוסטן. אין לעצטן מאמענט איז אבער געקומען צו א שלאכט פנים־אל־פנים. די ייִדישע קעמפערס האבן ארויסגעוויזן א הויכע מדרגה פון העלדישקייט. ווייזט אויס, אז דאס דאזיקע פראנצישקאנער געביט איז אויסן סטראאפ אין זיין ראפארט, ווען ער רעדט וועגן דעם, אז די ייִדן האבן געשאסן אין די דייטשן פון צוויי פיסטאלעטן, וואס זיי האבן געהאלטן גלייכצייטיק אין ביידע הענט. דער הויפט־ליקווידאטאר שטרייכט אונטער די באזונדערע פארביסנקייט פון די ייִדישע קעמפערינס. פון ייִדישע קוואלן ווייסן מיר, ווי שטארק עס האט זיך אויסגעצייכנט אין דער שלאכט אויף פראנצישקאנער איינער פון די ייִנגסטע אויפשטענדלערס שנאן לענט, וואס האט דא א העלדנטויט געפונען, ווי מוטיק עס האבן זיך געראנגלט די קעמפערינס דבורה באראן, צפורה לערער און צענדליקער אנדערע. פופציק פראצענט קעמפערס זענען געפאלן אין שלאכט. דערפאר איז אבער די דייטשן נישט געלונגען ארויסצופירן פון דאנען צום טראנספארט קיין איין ייִד! די לעבן געבליבענע קעמפערס האבן באוויזן זיך צוריקצוציִען פון פראנצישקאנער דורך זאמענהאף אויף מילע 18, אינעם צענטראלן בונקער פון דער ייִדישער קאמפס־ארגאניזאציע.

בעת דעם דאזיקן וועג איז אויף זאמענהאף־גאס אויסגעגאנגען דער שווער פארוואונדעטער קאמאנדיר יורעק גרינשפאן, איינער פון די העלדן פון די גרויסע שלאכטן אויפן בערשטערגעביט און אויף פראנצישקאנער 30.

דעם צווייטן מיי האט זיך מיט רומפולע אותיות אריינגעשריבן אין דער געטא־אויפשטאנד־געשיכטע נישט בלויז די פראנצישקאנער גאס, נאר אויך דאס סטאווקע־געסל. אין דעם טאג האט סטראאפ די אייזערנע פויסט פון א שטא־קער איינהייט אראפגעלאזט אויך אויף די פאבריקן „טראנסאוויא" (סטאווקע 36) און „ווישניעווסקי־סערערסקי" (סטאווקע 51). ווי עס שטעלט פעסט דער עס־עס־גענעראל אין זיין טאגראפארט, האבן די ייִדן דא געשטעלט א ווידערשטאנד, און א סך מענטשן זענען געפאלן אין קאמף.

אויפן געביט פון דער „טראנסאוויא"־פאבריק, וואס האט אויסגעארבעט טיילן צו עראפלאנען, האט מיט די קאמפסגרופעס אנגעפירט דער באקאנטער פפ"ר־טוער אפרים (עדווארד) פאנדאמינסקי. דא זענען געווען סיי דירעקטע גרופעס פון דער ייִדישער קאמפס־ארגאניזאציע, סיי לויזע בונקער־גרופעס. עדי־ראיה דערמאנען עטלעכע נעמען פון ארטיקע קאמאנדירן ,און נעמלעך: דער מעטאל־ארבעטער הערש רובינשטיין, דער אינזשעניר גאלדבערג, און אנדערע. ווי עס האט איבערגעגעבן דער פארמשפטער עס־עס־גדול פראנץ קאנראד, האבן די פארטיידיקערס פון „טראנסאוויא" ארגאניזירט א שטורעם־אנפאל אויף דער דייטשער באריקאדע, וואס איז אויפגעשטעלט געווארן אנטקעגן־איבער, כדי צו באמבארדירן דאס געביט. נאכן אויספילן די שלאכט־אויפגאבע האט זיך א טייל קעמפערס מיט פאנדאמינסקין בראש אדורכגעריסן אויף מילע־גאס און זיך פאראייניקט מיט די הויפט־כוחות פון דעם „זשאב" אין דעם צענטראלן בונקער אויף מילע 18.

דעם 2טן מיי — ראפאטירט סטראאפ צו זיין שעף אין קראקע — האבן די ליקווידיר־אפטיילונגען אנגעטראפן אויף א ווידערשטאנד אין זיבן און צוואנציק בונקערס.

צו א גרעסערער שלאכט איז אויך געקומען ביים ארויסגאנג פון א קאנאל. אין דער דאזיקער פנים־אל־פנים־שלאכט זענען די היטלער־לייט געווען קנאפע העלדן; זיי האבן דא — נישט געקוקט אויף זייער איבערגעוויכט — געליטן א שווערן פארלוסט פון זיבן מאן.

אין משך פון דעם גאנצן טאג האבן די געטא־אויפשטענדלערס פארטיידיקט יעדן שפאן ערד, פון די קעלערס און נידעריקע שטאקן זענען זיי אריבערגעגאנגען צו די העכערע גארנס, און — געיאגטע דורך דעם מערדערישן פייער פונעם שונא — ארויף אויף די דעכער און געזימסן. איין שלאכט האט זיך אפגעשפילט אויף די דעכער פון דעם בנין פון דער דייטשער פירמע שלעגעל. דאס אלץ האט געהאט א געלעגנהייט צו אבסערווירן נישט בלויז סטראאפ, נאר אויך זיין „הויכגעשטעלטער" גאסט און שעף, דער העכערער עס־עס־ און פאליציי־פירער איבער דער גאנצער גענעראל־גובערניע קריגער, וואס האט זיך אראפגעכאפט אויף אן אינספעקציע, כדי אפנים פערזענלעך זיך צו באקענען אויפן ארט מיט די שוועריקייטן ביים דערשטיקן דעם ייִדישן אויפשטאנד און ביים ליקווידירן דאס געטא.

מען קאן זיך פארשטעלן אז נישט מיט קיין לייכט געמיט האט קריגער פארלאזט ווארשע. אויף צו מארגנס, דעם דריטן מיי, האט ער טאקע גלייך באקומען ווידער א באאומרויִקנדיקן ראפארט; סטראאפ האט מיטגעטיילט אז ביים דעראבערן ניינצן בונקערס האבן די ייִדן איבער א ניים געשטעלט א ווידערשטאנד מיט געווער אין האנט. אין דער נאכט פון דריטן אויפן פערטן מיי האבן זיך ווידער באוויזן אין די פינצטערע און חרובע גאסן גאנצע גרופעס באוואפנטע קעמפערס, וועלכע האבן מארשירט אפן אין געשלאסענע רייען.

עס האט אויך נישט שטענדיק געהאלפן די פעלקערמערדערס דאס אויפרייסן די קאנאלן. טראץ אלעמען האבן זיך א סך ייִדן אדורכגעריסן. מען דארף אננעמען אז סיי פון צווישן די ייִדן, וואס זענען ארויס דורך פארשידענע קאנאלן, סיי פון צווישן די געטא־אסורים, וועלכע זענען ארויסגעפירט געווארן דעם 22טן און 23טן אפריל דורך מוראנאווער פלאץ, פרעטא־גאס, סאפיעזשינסקע, האבן זיך רעקרוטירט די קליינע פארטיזאנישע אפטיילונגען הינטער ווארשע, וועגן וואס עס טיילן מיט אזוי אפט די „טעגלעכע

שנעלמעלדונגען" פון דער זשאַנדאַרמעריע, למשל — די „שנעלמעלדונגען" פון 2טן, 4טן און פון 7טן מײַ, ווּ עס איז אַ רייד וועגן דער באַלעבטער פּאַרטיזאַנישער טעטיקייט פון יִדן און פּאָליאַקן אין מאַרקי, אורסינוּוועק, פּאַלעניץ און אַנדערע פּונקטן הינטער וואַרשע. די זשאַנדאַרמעריע־פּאָסטנס אַלאַרמירן, מאַכן אַבלאַוועס, רופן אַרויס צו הילף אָפּטיילונגען פון דער ווערמאַכט.

די דאָזיקע אַלאַרמען פון דער זשאַנדאַרמעריע פון דער נאָענטער וואַרשעווער פּראָווינץ ווערן צודרינגלעכער מיטן מאָמענט ווען עס הייבן זיך אָן די אָנפליִען פון דער סאָוועטישער אַוויאַציע, וואָס דערנענטערן זיך אַלץ מער צו וואַרשע. די ערשטע סיגנאַלן פון די אָנפליִען קומען אָן קיין וואַרשע אין דער נאַכט פון 4טן אויפן 5טן מײַ. די דײַטשע זעניט־אַרטילעריע שטעלט אָבער אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד און טוט אַלץ נישט דורכצולאָזן די סאָוועטישע אַעראָפּלאַנען קיין וואַרשע. די אונטערערדישע פּרעסע שרײַבט אַז די אָנגריפן פון דער סאָוועטישער אַוויאַציע זענען דיקטירט מיטן ווילן פון קומען צו הילף די קעמפנדיקע יִדן אין געטאָ. צו דעם ענין וועלן מיר זיך נאָך אומקערן אַ ביסל שפּעטער.

...און דערווײַל הערן נישט אויף די שלאַכטן אין ברענענדיקן געטאָ. דעם 4טן מײַ הערן מיר ווידער וועגן די אויפטוען פון די אויפשטענדלערס אויף לעשנע־גאַס. עס איז שוין אָבער קאָנטיק אַז בײַ די פאַרטיידיקערס פון לעשנע גייען אויס די כוחות. די פיר טעג פון 4טן ביזן 7טן מײַ אײַנגעשלאָסן ברענגען די לעצטע קאַמפן אויף דעם דאָזיקן אויפשטאַנד־אָפּשניט, וואָס האָט זיך אַזוי שיין אַרײַנגעשריבן אין דעם לעצטן קאַפּיטל פון וואַרשעווער געטאָ. ווײַזט אויס אַז סטראָאָפּ האָט פעסט באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן מיט דעם ווידערשטאַנד אויף לעשנע, סמאָטשע און די שכנותדיקע גאַסן, וואָס זענען געלעגן צו נאָענט צו די נישט־יִדישע וווינראַיאָנען. דעם 4טן מײַ 11 אין דער פרי טרעטן צו די דײַטשן צו אַ נייעם פאַרשטאַרקטן שטורעם־אָנגריף אויף די יִדישע פּאָזיציעס אין די פאַבריקן פון טעבענס און שולץ. עס חזרן זיך דאָ איבער די בלוט־פאַרגליווערנדיקע סצענעס פון די אויפרײַסן און אונטערצינדונגען. דער יִדישער ווידערשטאַנד פאַרמאָגט אַ פאַרשידענעם פאַרלויף. אָט ווערט ער שוואַכער, און אָט פלאַמט ער אויף מיט אַ פרישער קראַפט. אַזוי למשל פאַרשטאַרקט זיך דער ווידערשטאַנד אַרום צוויי אַ זייגער בײַ טאָג, ווי עס שטעלט פעסט אַ געניטער אָבסערוואַטאָר פון דער פּוילישער זײַט. עס איז פאַראַן אַ ווערסיע אַז די אויפשטענדלערס האָבן געהאַט בדעה איבערצוטראָגן דעם צענטער פון זייער פאַרטיידיקונג אין דעם גרויסן קאָשטשאָל־בנין אויף לעשנע; אַלן פאַלס איז באַוווּסט, אַז מען האָט דאָ געפונען מאַגאַזינירט געווער. אָבער קיין זיכערע באַשטעטיקונג פון דער ידיעה האָבן מיר נישט געטראָפן.

ביז שפּעט בײַ נאַכט דויערן די קאַמפן; האַלב צוועלף בײַ נאַכט רײַסט איבער סטראָאָפּ די אַקציע, כדי אויף צו מאָרגנס, דעם 5טן מײַ, זי צו באַנײַען. מיר פאַרמאָגן נישט, לײַדער, קיין באַשרײַבונג פון די קאַמפן אין משך פון 5טן מײַ, אָבער עס איז גענוג איבערצולייענען דעם ווײַטערדיקן זאַץ אין סטראָאָפּס טאָגראַפּאָרט: „אויך הײַנט האָבן די יִדן, פאַרן איבערגעבן זיך אין געפאַנגענשאַפט, אין פאַרשידענע ערטער געשטעלט אַ ווידערשטאַנד" — כדי צו פאַרשטיין אַז די קאַמפן זענען מצד די אויפשטענדלערס נישט געוואָרן איבערגעריסן. והראיה: דעם 6טן מײַ מוז סטראָאָפּ ווידער אַרויסשטעלן פאַרשטאַרקטע כוחות קעגן די יִדישע פּאָזיציעס אויף לעשנע. די היטלעריסטן זענען שוין אַצינד זיכער אַז די כאַפּערײַ און דער רויב וועלן זיי אָנקומען לײַכט, וואָרעם די הײַזער זענען שוין אויסגעברענט — ווּ קענען די יִדן האָבן אָנשפּאַרפּונקטן פאַר זייער ווידערשטאַנד? און דאָך ברעכן אויס פרישע פײַער־צוזאַמענשטויסן. עס זעט אויס, ווי די אויפשטענדלערס וואָלטן אין משך פון דער נאַכט באַזאָרגט געוואָרן מיט פריש געווער און אַמוניציע. די יִדן שלײַדערן ווידער אין די דײַטשן גראַנאַטן! עס זענען פאַראַן שפּורן, אַז דעם 6טן מײַ האָט אַ יִדישע קאַמפּסגרופּע זיך באַמיט אַדורכצורײַסן פון וואָלינסקע־גאַס קיין לעשנע צו הילף די דאָרטיקע קעמפערס. עס זענען אויך פאַראַן סימנים, אַז יִדן ,אַנטלאָפענע פון די לובלינער לאַגערן, זענען אָנגעקומען, באַזאָרגט מיט געווער, קיין וואַרשע און געמאַכט באַמיִונגען אַרײַנצודרינגען אין געטאָ, וואָרשײַנלעך בײַ לעשנע, כדי זיך צו שטעלן אין די קעמפנדיקע רייען. עס ווײַזט אויך אויס, אַז דער היטלער־שטאַב האָט זיך דעם זעלביקן טאָג געריכט אויף אַן אָנגריף מצד פּוילישע אַנטיפאַשיסטן פון דער אויסערלעכער זײַט, וואָרעם סטראָאָפּ באַפעלט אַרויסצורוקן פאַרשטאַרקטע שמירות טיפער אין דעם פּוילישן ראַיאָן.

דער 6טער מײַ איז געווען אַזוי אַרום אַ טאָג רײַך אין געשעענישן. דאָס איז אָבער אויך געווען דער לעצטער טאָג פון פאַרשטאַרקטן יִדישן ווידערשטאַנד אויף די אײַנפאַלנדיקע פּאָזיציעס פון לעשנע.

דעם 7טן מײַ איז געקומען דער טראַגישער סוף. דער מאַנגל אין אַמוניציע, דער הונגער ,דער כסדרדיקער בלוטאָפּפלוס — דאָס אַלץ האָט גורם געווען, אַז די כוחות זענען בײַ די לעצטע פאַרטיידיקערס אויסגעגאַנגען לגמרי. אָבער אין די סאַמע לעצטע מינוטן האָבן זיך די אויפשטענדלערס מוטיק פאַרטיידיקט — דאָס דרינגט אַרויס סײַ פון די דײַטשע, סײַ פון די פּוילישע און סײַ פון די יִדישע קוואַלן.

די יִדישע קעמפערס האָבן ביזן לעצטן מאָמענט נישט פאַרלאָרן די האָפענונג, אַז עס וועט זיי געלינגען אַרויסצוגיין מיטן אונטערערדישן טונעל אויף דער אַנטקעגנליגנדיקער זײַט פון דער גאַס, אויפן הויף לעשנע 71, וואָס האָט שוין געהערט צו דער „אַרישער" זײַט. אָבער דער פאַקט, וואָס דער שונא האָט צום סוף אַרײַנגעלאָזט גאַז, האָט צו נישט געמאַכט אַלע האָפענונגען. די לעצטע פּאָזיציעס אויף דער חרובער גאַס זענען געפאַלן.

אין דער זעלביקער לפי ערך צײַט זענען אויך געפאַלן די לעצטע קאַמפּפּאָסטנס פון די אויפשטענדלערס אויף סמאָטשע־גאַס. די יִדן האָבן זיך פאַרטיידיקט ביזן סוף. אַ פּוילישער עדות, אַ פײַער־לעשער, וואָס איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט די יִדישע אָרגאַניזאַציעס און אַריבערגעטראָגן ידיעות פון שלאַכטפעלד, האָט אונדז איבערגעגעבן אַ רירנדיק בילד פון דער בײַשפּיללאָזער גבורה פון די לעצטע יִדישע פאַרטיידיקערס פון דער סמאָטשע. אָט לויפט אַ יונגער יִד, און צוויי דײַטשן, באַוואָפנטע מיט אויטאָמאַטן, יאָגן זיך נאָך אים. זײַן אַרט לויפן דערווײַזט, אַז נישט ער אַנטלויפט, נאָר ער וויל אַרײַנפירן די שונאים אין אַ נעץ. ער שפּרינגט אײַליק אַרויף אויף אַ הויכן שטאָק פון אַ האַלב רויִנירט הויז און דאָ כאַפּט ער בליץ שנעל אַרויס אַ גראַנאַט און שלײַדערט אין די פאָרפאָלגערס: „די דײַטשן זענען געפאַלן, מיר זענען פון שרעק אַנטלאָפן, — איז זיך מודה דער פײַער־לעשער, — און דער אויפשטענדלער איז אַוועק אַ גאַנצער".

דער זעלביקער פּוילישער עדות גיט איבער, אַז פון סמאָטשע האָבן די קאַרעטעס פון רויטן קרייץ אַרויסגעפירט בײַ אַ צען דערהרגעטע היטלעריסטן, שוין נישט רעכענענדיק די פאַרוווּנדעטע.





יוסף לעוואַרטאָווסקי פירער פון פפ״ר אין וואַרשעווער געטאָ,
גרינדער פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק.

אַדאַם מערעטיק סעקרעטאַר פון פפ״ר
אין געטאָ ביזן 30טן מײַ 1942

אַנאַסטאַצי קאָוואַלטשיק,
סעקרעטאַר פון וואַרשעווער
קאָמיטעט פון פפ״ר



לייב פײַוול („איגנאַץ") טוער פון פפ״ר
אין געטאָ, אָרגאַניזאַטאָר פון זעלבשוץ.
(געצייכנט י. רייזמאַן)



מרדכי אַניעלעוויטש, קאָמענדאַנט פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד
(אומגעקומען דעם 8טן מײַ 1943)



לייב גרוזאַלץ אַ קאָמענדאַנט פון זשאָב

הערש בערלינסקי (יעלען) שטאַבמיטגליד פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע (זשאָב)



זכריה אַרטשטיין אַ קאַמפספירער
פון זשאָב

אַנדזשעי שמידט אָרגאַניזאַטאָר פון דער פאָלקסגוואַרדיע אין געטאָ

יורעק ווילנער פאַרבינדלער פון דער
ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע (זשאָב)

דוד נאָוואָדוואָרסקי

שמואל ברעסלאַוו אַקטיוויסט פון אַנטי־פאַשיסטישן בלאָק

עדוואַרד פאָנדאַמינסקי סעקרעטאַר פון פפ״ר אין געטאָ אין דער צײַט פון אויפשטאַנד.

יוסף קאַפלאַן טוער פון אַנטיפאַשיסטישן בלאָק אין וואַרשעווער געטאָ

שנאן לענט
דער יונגסטער מיטגליד פון „זשאָב"

יעקב (קובאַ) דרײַער

ניוטע (ריווע) טייטעלבוים

לאָלאַ סלאָוויק געווי מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט אין פוילן, אָרגאַניזירערין פון דער אַרבעטער־יוגנט אין וואַרשעווער געטאָ

ליובאַ פאָנדאַמינסקאַ פפ״ר־טוערין אין געטאָ

זאָפיאַ זאַטאָרסקאַ („זאָסיאַ") געווי מיטגליד פון דער קאָמי יוגנט אין פוילן, פאַרבינדלערין פון די ערשטע רעוואָלוציאָנערע גרופּעס אין געטאָ.



העלענאַ ראַבינאָוויטש אַקטיוויסטין פון
פפ"ר אין געטאָ.



פרומקע פלאָטניצקאַ



מיראַ פוכרער מיטגליד פון זשאָב



דאָרקאַ גאָלדקאָרן אַקטיוויסטין פון
פפ"ר, זשאָב־פאַרבינדלערין



כאַנטשע פלאָטניצקאַ



רעגינאַ פודען מיטגליד פון זשאָב

לעאָן פײַנער („מיקאָלײַ") טוער פון
לינקן פליגל אין בונד
(פאָטאָגראַפירט בעת דער אָקופּאַציע)

אבראַשע בלום

זלמן פרידריך

שכנא זאַגאַן



יוחנן מאָרגנשטערן (שחר)

מיכאל קלעפּפיש

ישראל ליכטענשטיין



יאַנוש קאָרטשאַק (ד״ר הענריק גאָלד־שמידט) מיט אַ גרופּע ייִדישע יתומים (דאָס בילד איז געמאַכט געוואָרן אין יתומים־הויז אויף קראָכמאַלנע־גאַס, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה)



ד״ר עמנואל רינגעלבלום



בלעטער פון ד״ר ע. רינגעלבלומס „נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ"



אַן אַקציע אין געטאָ



צום „אומשלאַג־פּלאַץ"



אומלעגאַלער שמוגל פון לעבנסמיטל דורך אַרבעטער פון דער „אַרישער" זײַט אין געטאָ אַרײַן.



וואַרשעווער יִדן אויף צוואַנגאַרבעט

אַן אַלטער ייִדישער אַרבעטער אין געטאָ.

ס׳ברענט די גאַרבערײַ אויף אָקאָפּאָווע־גאַס, אונטערגעצונדן פון די דײַטשן.



HALT!

SP RRGEBIET!

Das Betr d es ehe igen jüdischen Wohnbezirkes strengstens erboten.

Jede ohne einen gült Aus im ehemaligen jüdischen Wohnb ang troffen wird, erschossen.

Alle vor dem 2 A 1943 ausgestellten Ausweis zum Betreten des ehem. jüdischen hnbezirkes hab n Gültigkeit ren.

Der SS- u. Po Warschau

gez. Stro

STOJ!

STREFA ZAKAZANA!

stęp do byłej żydowskiej dzielnicy mi zkawej jest najsurowiej zakazany.

Każdy, kto bez nowej wa ej przepustki będzie napotkany w b. żydowskiej dzielnicy mieszkaniowej, będzie zastrzelony.

Wszystkie przepustki, uprawniające do wstępu do byłej żydowskiej dzi cy mieszkaniowej, wystawione przed 23 kwietnia 194 traciły swą ważność.

Dowódca SS i Policji w Okr Warszawskim

(-) Stroop

„שטיין בלײַבן! פֿאַרבאָטענער געביט!" וועמען מ׳וועט אָנטרעפֿן
אַרײַנגיין אין געטאָ אָן אַ פּאַסירשײַן וועט דערשאָסן ווערן.



נאָך אַן אַטאַקע דרינגען די דײַטשן אַרײַן אין די חורבות פֿון געטאָ



גענ. סטראָאָפּ מיט זיין מיליטער אין געטאָ



דייטשע טאַנקן אין געטאָ



היטלעריסטן באַנוצן מאַשין־געווער קעגן די אויפשטענדלער



גען. סטראָפּ פירט אָן די אַקציע קעגן די אויפשטענדלער אין געטאָ



דייטשן צינדן אונטער די געטאָ



דײַטשן צינדן אונטער דער וואַרשעווער געטאָ אויספאָלגנדיק הימלערס באַפעל.



אַן אַלטיטשקע שפּרינגט פון אַ ברענענדיק הויז און פאַרטשעפּעט זיך אָן באַלקאָן.

מיט העלדישע מעשים האָבן די אויפשטענדלערס באַצאָלט די פעלקערמערדערס בײַם פאַרלאָזן די לעצטע פּאָזיציעס. זייער נקמה האָט מיט איר שאַרפקייט געטראָפן נישט בלויז די היטלעריסטישע פּאַרטיליקערס, נאָר אויך די פּאָר ייִדישע פאַררעטער און מוסרים, וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ געדרייט אין געטאָ, אַרײַנגעקראָכן ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אין בונקערס, און אויסגעגעבן אַ סך באַהאַלטענע ייִדן. דער שונא האָט אויסגענוצט די דאָזיקע מנוולים, וואָס האָבן פאַרקויפט זייערע אייגענע ברידער, צוגעזאָגט זיי צו שענקען דאָס לעבן, אָבער באַצייכנט מיט אַ פאַראַכטנדיק־כאַראַקטעריסטישן צונאָמען: „ייִדן־פאַררעטערס".

בײַ דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע זענען געשאַפן געוואָרן ספּעציעלע גרופּעס, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט אויסשפּירן און ליקווידירן די געסטאַפּאָ־שפּיאָנען און מוסרים. צו דער אויסשפּיר־אַרבעט האָט מען באַנוצט קינדער־גרופּעס, און לאָמיר דאָ אָפּמערקן מיט ליב די העלדישע קינדער פון געטאָ, וואָס האָבן זיך מיט גאָלדענע אותיות אַרײַנגעשריבן אין דער רומפולער געשיכטע פונעם געטאָ־אויפשטאַנד.

עס איז כדאי אונטערצושטרײַכן דעם פאַקט, אַז אַפילו שוין דעם 6טן מײַ, ווען אַלץ אַרום האָט אויסגעזען פאַרלאָרן און ענדלאָז פאַרצווייפלט, איז די האַלטונג פון די „זשאָב"־קעמפערס — ווי עס שטעלן פעסט באַגלייבטע עדי־ראיה — געווען אַ באַהערשטע, אַ זיכערע, אַ פעסטע. רויִק און זיכער האָבן זיי טראָט נאָך טראָט נאָכגעשפּירט די פאַררעטערס און אויסגעפירט איבער זיי די טויטאורטיילן פון דער אָרגאַניזאַציע. אַזאַ טויטאורטייל איז, למשל, אויסגעפירט געוואָרן דעם 6טן מײַ אויף וואָלינסקע 6 איבער דעם ייִדישן געסטאַפּאָ־שפּיאָן פרעד אָרלעאַן — אין מיטן העלן טאָג, אין אַ קאַנטינע פון אַן אַמבולאַטאָריע, אין די אויגן פון אַ גאַנצן עולם מענטשן. און דאָס איז נישט געווען קיין פאַראיינצלטער פאַל. מען קאָן זאָגן אַז אין סאַמע פלאַקער פונעם אויפשטאַנד און אין מיטן פון דעם טראַגישן אומקום זענען דורך די ייִדישע גערעכטיקע נקמה־נעמערס אויסגעראָטן געוואָרן כמעט אַלע פאַררעטערס, וואָס האָבן זיך נאָך דעמאָלט אַרומגעדרייט אויפן שטח פון אונטערגייענדיקן געטאָ. די וואָס זענען אַנטלאָפן, האָבן ייִדישע און פוילישע קעמפערס געפּאַקט אויף דער „אַרישער" זײַט און דאָרטן זיי אויסגעמאָסטן דעם פולן מידת־הדין.

ווי מיר זעען, האָט די מוט נישט פאַרלאָזט די לעצטע געטאָ־קעמפערס, כאָטש עס איז שוין געווען אין גאַנצן קלאָר, אַז די שלאַכטן זענען — אין קאָנקרעטן זין פאַרשפּילט; אַ זאַך, וועגן וואָס די אויפשטענדלערס האָבן געוווּסט פון אָנהייב אָן, אָבער זיי האָבן געפילט און פאַרשטאַנען אַז נישט אין קיין קאָנקרעטן אויסגאַנג פון דעם אומגלײַכן קאַמף האַנדלט זיך, נאָר אין דעם אויסגאַנג אין אַ העכערן זין, אין היסטאָריש־מאָראַלישן זין. אַזוי אַרום וועט ווערן פאַרשטענדלעך, ווי טיף ווייטיקלעך די אויפשטענדלערס האָבן געפילט דעם אומקום פון שטאַב דעם אַכטן מײַ.

לאָמיר אָבער צו ערשט מאַכן אַ קורצן סך־הכל. ווי האָט אויסגעזען די לאַגע ערב דעם פאַטאַלן טאָג פון אַכטן מײַ?

אויב אין די ערשטע טעג פונעם אויפשטאַנד האָבן די קאַמפן אַרומגענומען דעם גאַנצן שטח פון געטאָ, האָט זיך אַצינד דער פּלאַצדאַרם פון די אָרגאַניזירטע קעמפערס שטאַרק אײַנגעקאָרטשעט. עס איז אומגעקומען די לעשנע מיט די שכנותדיקע גאַסן, עס איז אָפּגעפאַלן די שווענטאָיערסקע און פראַנצישקאַנער, ווו עס איז בלויז געבליבן טליִען אַ שוואַכער פײַער פון שיטערע בונקער־גרופּעס. עס האָבן זיך אײַנגעשטילט די שיסערײַען אויף סטאַווקע, עס זענען מער נישט געווען טעטיק — מיט קליינע אויסנאַמען — די כוחות פון מוראַנאָווער פּלאַץ. אין משך פון קנאַפּע דרײַ וואָכן האָט זיך דער אָנשפּאַר־שטח פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַלץ מער און מער פאַרשמעלערט, ביז ער איז רעדוצירט געוואָרן צו די ענגע ראַמען פון אַ טייל פון צענטראַלן געטאָ מיט דער מילע־גאַס אין מיטן. איצט האָט די אײַזערנע פויסט פונעם שונא געצילט אין אָט דעם צענטער פון אויפשטאַנד, אין דער דאָזיקער גאַס פון דער ייִדישער אָרעמקייט, ווו עס האָט זיך געפונען דער שטאַב און עס האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די וויכטיקסטע בלוט־אָפּגעגאַנגענע לעצטע קערן־גרופּעס פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

און דעריבער רופן מיר אָן דעם אַכטן מײַ — דער פאַטאַלער טאָג, ווײַל דעמאָלט איז, ווי געזאָגט, געפאַלן דער שטאַב פון „זשאָב" אין זײַן צענטראַלן בונקער אויף מילע 18.

דער שטאַב פונעם אויפשטאַנד האָט ניכטער און מיט אַ קלאָרן בליק געקוקט אויף דער געשאַפענער לאַגע. פון אַלע זײַטן האָט אָנגעשפּאַרט דער שונא, און די באַזונדערע, פאַריתומטע אָרגאַניזירטע און לויזע קאַמפּסגרופּעס, וואָס האָבן אָפּערירט אָדער זענען געווען פאַרשטעקט אין פאַרשידענע פּונקטן אויף אַנדערע שטחים פון געטאָ, זענען נישט געווען אין שטאַנד איבערצורײַסן די אַרומרינגלענדיקע קייט, אָדער קומען צו הילף דער מילע־גאַס, וועלכע איז אויך געבליבן שטיין פּנים־אל־פּנים מיטן לעצטן גוראַל, מיטן אומפאַרמײַדלעכן אומקום.

דעריבער איז פאַרשטענדלעך, וואָס דער אויפשטאַנדשטאַב פון איין זײַט און די אָנפירונג פון דער פאָלקסגוואַרדיע פון דער צווייטער זײַט האָבן זיך געמעכטיקט אויפן איינציק ריכטיקן שריט: היות די אויפגאַבע אין געטאָ גופא איז דערפילט געוואָרן, דער ייִדישער אויפשטאַנד איז געווען אַ יש, האָט שוין מער נישט קיין זין צו לאָזן די בעסטע לעצט־פאַרבליבענע כוחות אויף אַ זיכערן הגם העלדישן אומקום, און עס וועט ריכטיקער זײַן, ווען מען וועט זיי אַרויספירן, און דאָס צוליב צוויי טעמים — זיי זאָלן קענען ממשיך זײַן דעם קאַמף אין מער ווירקזאַמע באַדינגונגען און עס זאָלן בלײַבן די לעצטע עדות פון העראָישן קאַמף פון די וואַרשעווער ייִדן, די לעצטע עדות פון היטלעריסטישן פעלקערמאָרד און פון דער אויסערגעוויינלעכער, בלוטיקער דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער פאַרברענטער ערד פון געטאָ.

אַרויספירן די נאָך גענוג צאָלרײַכע קאַמפּסגרופּעס פון די פלאַמען איז אין יענער צײַט שוין געווען זייער און זייער אַ שווערע אויפגאַבע. דער גרעסטער טייל קאַנאַל־אַרויסגענג איז געווען אויפגעריסן דורך די הימלער־לײַט, ס'רוב קאַנאַלן — פאַרפלייצט מיט וואַסער, און די פאַשיסטישע שמירה איז געווען אָפּט מאָל נישט דורכצודרינגען. יאָ, עס זענען נאָך פון דעסט וועגן געווען געוויסע קאָמפּליצירטע דורכגענג אונטער דער ערד, אָבער דער פּלאַן פון דעם לאַבירינט פון דער אונטערערדישער קאַנאַליזאַציע־סיסטעם איז געלעגן אין די הענט פון אַ"ק־לײַט, און די האָבן נישט געוואָלט עס אַרויסגעבן די ייִדן אַפילו אין אָנבליק פון דער אויבן געשילדערטער טראַגישער לאַגע. אַלע ווענדונגען פון ד"ר לעאָן פײַנער האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ וואַנט פון פאַרברעכערישער גלײַכגילטיקייט.

נאָך לאַנגער מי און מאַטערניש איז דער וואַרשעווער פּפּ"ר געלונגען אַרויסצובאַקומען די פּלענער אַ דאַנק אירן אַ מענטש, דעם

אַקטיוויסט קאָזשוכאָווסקי, וואָס האָט געהאַט קאָנטאַקט מיט פּאַטריאָטיש־געשטימטע אָנגעשטעלטע פון דער שטאָט־פּאַרוואַלטונג.

דעמאָלט איז אָרגאַניזירט געוואָרן די געוואַגטע און געפערלעכע עקספּעדיציע אין געטאָ אַרײַן, צו ראַטעווען די הויפּט־כוחות פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס זענען געווען אויף מילע 18 און אין אַנדערע בונקערס פון „זשאָב”. אָבער ווען די עקספּעדיציע — אין איינעם מיט די שליחים פון די אויפשטענדלערס, „קאַזשיק” און אַנדערע — איז ענדלעך אָנגעקומען אויפן אָרט, איז שוין געווען צו שפּעט. אָנגעקומען זענען זיי דעם נײַנטן, און דער שטאַב איז אומגעקומען מיט אַ טאָג פריִער, דעם אַכטן מײַ.

וואָס עס איז פאָרגעקומען דעם דאָזיקן טאָג אינעם בונקער פון שטאַב, האָבן זיך די מיטגלידער פון דער רעטונג־עקספּעדיציע דערוווּסט פון די געציילטע לעת־עתה לעבן געבליבענע קעמפערס, וואָס זיי האָבן געפונען אין אַ פאַרחלשטן צושטאַנד אויף די חורבות פונעם אָרט; דאָס זענען געווען מיכאל ראָזענפעלד, טאָסיע אַלטמאַן, יהודה ווענגראָווער און נאָך עטלעכע. לײַדער זענען אויך די אַלע אומגעקומען אין די שפּעטערדיקע צײַטן, און בײַם הײַנטיקן טאָג איז שוין קיין איין דירעקטער עדות פון די לעצטע מינוטן פון די אויפשטאַנד־קאָמאַנדירן נישט געבליבן צווישן די לעבעדיקע.

פון די גבית־עדות־שפּורן, וואָס זענען צו אונדז אַזוי אַרום דערגאַנגען פון דער צווייטער האַנט (פון די, וואָס האָבן דעמאָלט גערעדט מיט די דערמאָנטע נאָך לעבעדיקע שטאַבמיטגלידער), קען מען אויפשטעלן אַ שטיקל בילד פון דעם, וואָס איז דעם אַכטן מײַ פאָרגעקומען אויף מילע 18:

דאָ זענען דעם טראַגישן טאָג געווען בײַ אַ 400 מענטשן, בתוכם אַ הונדערט אויפשטענדלערס. פון די מער אָנגעזעענע קאָמאַנדירן און מיטגלידער פון „זשאָב” האָבן זיך אין דעם צענטראַלן קאַמפּבונקער געפונען: מרדכי אַניעלעוויטש מיט זײַן חברטע מירע פוכרער, די פּפּ”ר־טוערס אפרים פאָנדאַמינסקי (מיר ווייסן נישט צו זײַן חברטע ליובאַ איז דעמאָלט נאָך געווען מיט אים צוזאַמען און צי זי האָט נאָך בכלל געלעבט), מיכאל ראָזענפעלד, אהרן ברוסקין, שרה זשאַגעל, שיִע שפּאַנצער, הערמאַן, חיים אַנקערמאַן, פראַנקע און טאָסיע בערמאַן; און ווײַטער: די שומרים אריה ווילנער, טאָסיע אַלטמאַן, יהודה ווענגראָווער; דער בונדישער קעמפער לייב גרוזאַלץ און אויך ברוידאַ פון „דרור”, לייב ראָטבלאַט 1) מיט זײַן מוטער און אַנדערע. די צענטראַלע פיגורן אינעם בונקער זענען געווען ,ווי עס גיט איבער אַן עדות, פאָנדאַמינסקי, דער סעקרעטאַר פון פּפּ”ר, און אַניעלעוויטש, דער קאָמענדאַנט פון שטאַב.

ווי מיר זעען, איז דאָס געווען נישט בלויז דאָס זיצאָרט פונעם שטאַב פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, נאָר אויך דער צענטראַלער פּונקט פון דער פּפּ”רישער אָנפירונג; דאָ האָבן זיך אויך געפונען די וויכטיקסטע שומרים. סטראָאָפּ האָט, אפנים, געוווּסט וועגן דעם — צי פון ייִדישע געסטאַפּאָ־אַגענטן, אָדער ער איז עס דערגאַנגען שפּעטער. ווי עס זאָל נישט זײַן ,שטרײַכט ער אונטער אין זײַנע טאָגראַפּאָרטן, אַז דאָס איז דער בונקער פון דער ענגער אָנפירונג פונעם אויפשטאַנד. איצט וועלן מיר פאַרשטיין, פאַר וואָס ער האָט זיך אַזוי שנעל געגרייט צום אָנגריף אויף מילע 18.

פון אַלע זײַטן האָבן די פײַנדלעכע כוחות אַרומגענומען דעם בונקער. און ווען די אויפשטענדלערס האָבן געשטעלט אַ דעצידירטן ווידערשטאַנד, האָט דער שונא אַרײַנגעלאָזט גאַז. דער שטאַב האָט דעמאָלט באַשלאָסן: איידער אַרײַנצופאַלן לעבעדיקערהייט אין די הענט פון די פעלקערמערדערס, בעסער אַליין זיך נעמען דאָס לעבן. קיין אַנדער אויסוועג איז, ווײַזט אויס, נישט געווען. שיסן פון דער טיפעניש אויף דרויסן איז געווען דאָס זעלבע ווי האַקן אויף בלינד. די אַמוניציע איז זיכער אויך אויסגעגאַנגען. און דער פאַרשאָלטענער גאַז האָט שוין גענומען ווירקן, די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן שטיקן, גוססן.

אין סאַמע לעצטן מאָמענט, ווען אַניעלעוויטש מיט זײַן חברטע, פאָנדאַמינסקי, ווילנער, ראָטבלאַט זענען שוין געווען טויט, האָבן די לעצטע פּאָר קעמפערס, וואָס האָבן זיך שוין געפונען אין אַ האַלב פאַרחלשטן צושטאַנד, פּלוצעם געפונען עפּעס אַן אַרויסגאַנג. און זיי זענען טאַקע אויף צו מאָרגנס געפונען געוואָרן האַלב טויטע דורך די שליחים פון דער דערמאָנטער רעטונגס־עקספּעדיציע.

איינער פון די לעצטע באַגערן פון די אומפאַרגעסלעכע שטאַבמיטגלידער איז כאָטש מקוים געוואָרן: קיין לעבעדיקע האָט זיי דער שונא נישט געכאַפּט.

די שפּאַנונג פון די היטלעריסטן צוליבן בונקער אויף מילע 18 איז געווען זייער גרויס. סטראָאָפּ האָט געזאָגט אין זײַן צוגאַבדערקלערונג, בעת ער איז שוין געזעסן אין דער וואַרשעווער מאָקאָטאָוור־תפיסה, אַז ער האָט באַדויערט וואָס ער איז נישט געווען בײַ דער אַקציע בײַם בונקער און וואָס ער האָט נישט געכאַפּט קיין איינעם פון די שטאַבמיטגלידער, ער וואָלט זיי — האָט ער צוגעגעבן — זייער גערן פאַרהערט... די העלדישקייט און די פאַראַכטונג פאַרן לעבן מצד די אויפשטאַנד־פירערס האָבן צוגענומען בײַם עס־עס־גענעראַל דעם דאָזיקן „פאַרגעניגן”.

דעם זעלביקן טאָג האָבן די ליקווידיר־אָפּטיילונגען ווײַטער אָנגעטראָפן אויף ווידערשטאַנד־אַקטן בײַם אַטאַקירן פאַרשידענע בונקערס, באַזונדערס אויף שוויענטאָיערסקע 36, ווו עס איז געווען פאַרשטעקט אַ לויזע גרופּע. סטראָאָפּ האָט זיך נאָך איין מאָל איבערגעצײַגט אַז דער אויפשטאַנד, הגם ער פאַרמאָגט שוין נישט דעם פריִערדיקן אימפּעט, איז נאָך אַלץ נישט אויסגעלאָשן, און דעריבער פאַרענדיקט ער זײַן ראַפּאָרט פון אַכטן מײַ מיט די ווערטער: „דער אונטערגעשריבענער איז דעצידירט צו קאָנטינויִרן די גרויסע אַקציע ביזן פאַרניכטן דעם לעצטן ייִד”.

אָט די פאַשיסטישע שבועה פון דעם פעלקערמערדער איז, צו אונדזער טיפן טרויער, אין ווײַט גרעסטן טייל מקוים געוואָרן. נאָר אַ קליינער גרופּע אויפשטענדלערס איז, אַ דאַנק דעם איבערמענטשלעכן אָנשטרענג פון דער פאָלקסגוואַרדיע, געלונגען זיך אַרויסצורײַסן פונעם וואָלפס פּיסק. דעם 10טן מײַ איז דורכגעפירט געוואָרן די צווייטע, נאָכן 28טן אַפּריל, בראַוווּר־אַקציע פון אַרויסנעמען 34 ייִדישע קעמפערס אין פולער באַוואָפענונג פון אַ קאַנאַל־עפענונג אויף פּראָסטע־גאַס, אין מיטן העלן טאָג, צו דער שטוינונג פון דער גאַס. אין דער דאָזיקער אַקציע זענען געווען אָנגאַזשירט די זעלביקע מסירה־נפשדיקע טוערס פון פּפּ”ר און „גוואַרדיאַ לודאָוואַ”: לענטשיצקי, לעגעץ, סענק מאַלעצקי, קשאַטשעק, די גוואַרדיסטן וואַצעק, סאַמאָק, סטעפאַן, די שרעקלאָזע פאַרבינדלערס פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע יורעק זאַלאָטאָוו, רישעק מוזול־

---

1) געוויסע עדות האַלטן, אַז צוזאַמען מיטן גרופּע־קאָמאַנדיר פון „זשאָב” לוטעק ראָטבלאַט איז אינעם בונקער געווען זײַן פּוילישע פרוי, וואָס האָט געוואָלט טיילן ביזן סוף דעם גורל פון איר מאַן און חבר.

מאַן, טוביה שיינגוט, ראָטהייַזער („קאַזשיק”); לאָמיר אויך דערמאָנען מיט דאַנקבאַרקייט דעם פוילישן שאָפער סטאַניסלאַוו טאַרטשינסקי, וועלכער איז געזעסן בייַם רודער פון דעם לאַסטאויטאָ, וואָס האָט שנעל געיאָגט אַרויס פון דער שטאָט. אין משך פון אַ האַלבער שעה איז די גאַנצע אַקציע געווען פאַרענדיקט, און דער אויטאָ האָט זיך געטראָגן קיין לאָמיאַנקע, ווו די טויט־מידע קעמפערס האָבן זיך פאַראייניקט מיט זייערע חברים, וואָס זענען דורך דער פאָלקסגוואַרדיע אַרויסגעצויגן געוואָרן דעם 28טן אַפּריל.

און דערווייַל האָט זיך אָפּגעשפּילט בייַם קאַנאַל־אַרויסגאַנג נאָך איין טראַגישע שלאַכט. אונטער דער ערד איז געבליבן אַ צווייטע גרופּע, וואָס האָט געציילט 15 מאַן. דער לאַסטאויטאָ האָט זיך נאָך געדאַרפט אומקערן נאָך זיי. אָבער דערווייַל איז דער שונא אַלאַרמירט געוואָרן. בייַם קאַנאַל־אַרויסגאַנג האָט זיך פאַרקניפּט אַן אומגלייַכער קאַמף ,וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט מיטן העלדישן אומקום פון אַלע פופצן אויפשטענדלערס. סטראָאָפּ איז חושד געווען אַז ייִדישע קעמפערס באַהאַלטן זיך אויס אין שכנותדיקן „קליינעם געטאָ”, אויף פּראָסטע־גאַס, האָט ער געהייסן ענדגילטיק ליקווידירן און עוקר מן השורש זייַן אויך דאָס דאָזיקע א״ג „קריפּל־געטאָ”. ווי עס גיט איבער אַן עד־ראיה, איז סטראָאָפּ אַליין געקומען אויף פּראָסטע און פּערזענלעך אָנגעפירט מיט דער ענדגילטיקער צעשטערונג פונעם „קליינעם געטאָ”.

פון די ווייַטערדיקע גרופּעס, וואָס זענען אַרויס דורך אַ קאַנאַל־אַרויסגאַנג פון געטאָ, האָט זיך איינע אויף דער ערשטער נאַכט באַפעסטיקט אין אַ הויז אויף מעד־גאַס. אויף צו מאָרגנס האָט זי געדאַרפט ווערן אייַנגעאָרדנט אויף צייַטווייַליקע קאָנספּיראַטיווע דירות, און דערנאָך האָבן זיי געזאָלט אַרויסגיין צו די פּאַרטיזאַנערס. אין שפּיץ פון דער גרופּע איז געשטאַנען דער קאָמאַנדיר אהרן ברוסקין (פּאַוועל) ,וועלכער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פונעם אויפגעריסענעם בונקער אויף מילע 18. עס איז אָבער נישט באַשערט געווען דער דאָזיקער גרופּע צו פאַראייניקן זיך מיט זייערע ברידער די פּאַרטיזאַנערס. אַ פּוילישער פאַררעטער האָט געבראַכט דייַטשן, וואָס זענען געקומען אין אַ גרויסער צאָל; נאָך אַ קורצער פאַרצווייפלטער שלאַכט זענען די ייִדישע קעמפערס מיטן קאָמאַנדיר פּאַוועל בראַש אומגעקומען אויפן אָרט. דער פאַררעטער איז שפּעטער דערשאָסן געוואָרן דורך דער פאָלקסגוואַרדיע.

לאָמיר דאָ דערמאָנען צום סוף פונעם קאַפּיטל דעם העלדנטויט פון די „זשאָב”־פאַרבינדלערס יורעק זאָלאָטאָוו און רישעק מוזולמאַן, וועלכע זענען געפאַלן אין אומגלייַכן קאַמף מיט אַ באַנדע היטלעריסטן אויפן באַנקפּלאַץ בייַ זשאַביע־גאַס, אין מאָמענט ווען זיי האָבן דאָ געדאַרפט דערליידיקן דאָס אַריבערוואַרפן אַ טראַנספּאָרט געווער אין געטאָ אַרייַן.

דער דריטער מוטיקער פאַרבינדלער שיינגוט איז אין אַ קורצער צייַט אַרום אומגעקומען אויף דער וואַשינגטאָן־גאַס 80, אין איינעם מיטן לינקן סאָציאַליסט, דעם פּאָליאַק סטעפאַן פּאָקראָפּעק. אין אַ פייַער־געראַנגל מיט דייַטשן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז ווו עס איז געווען אַ טרעפפּונקט פון די „זשאָב”־פאַרטרעטערס מיט פוילישע פּאַרטיזאַנערס.

מיר וועלן זיך נאָך שפּעטער באַגעגענען מיט ענלעכע שלאַכטן פון ייִדישע קעמפערס אויף דער „אַרישער” זייַט. אַזאַ שלאַכט איז פאָרגעקומען אין יוני אין אַ בונקער אויף גזשיבאָווסקע. די ייִדישע באַוואָפנטע גרופּע, וואָס האָט זיך דאָ געפונען, האָט געשטעלט אַ ביטערן ווידערשטאַנד די איבערוועגנדיקע כוחות פונעם שונא. אַלע ייִדישע קעמפערס אין איינעם מיט זייער קאָמאַנדיר פּאַוועל פרענקעל, אַן אָנטייל־נעמער אין די פריִער געשילדערטע שלאַכטן אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ, זענען געפאַלן מיט אַ העלדנטויט.

צוריקקערנדיק זיך צו די געשעענישן אויפן שטח פון געטאָ, דאַרף מען זאָגן, אַז די טעג פון אַכטן ביז צענטן מייַ שליסן אָפּ דעם צווייטן עטאַפּ פון דעם אויפשטאַנד. איצט גייען אַרייַן די קאַמפן אין זייער לעצטער פאַזע.

— 7 —

די קאַמפן צווישן חורבות

בייַם סוף פון דער ערשטער דעקאַדע פון חודש מייַ טרעט אַרייַן דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד אין זייַן דריטער פאַזע, וואָס איר כאַראַקטעריסטישע פאָרעם זענען די קאַמפן צווישן די חורבות. דאָס געטאָ איז שוין כמעט אין גאַנצן אויפגעריסן און אויסגעברענט און שטעלט מיט זיך פאָר אַ ריזיקן מדבר פון רויִנען, און נאָר ווו נישט ווו סטאַרטשען אַרויס סקעלעטן פון פאַרברענטע און נאָך נישט לגמרי אייַנגעפאַלענע הייַזער. בייַ אַזאַ לאַגע איז קלאָר, אַז די לעצט פאַרבליבענע ייִדישע קאַמפּסגרופּעס האָבן שוין בכלל נישט קיין אָנשפּאַר אויף דער אייבערפלאַך פונעם געטאָ, אַז זיי קענען שוין אויך זעלטן רעכענען אויף סטאַבילע באַפעסטיקטע בונקערס, וואָס ווערן דאָך ווייַטער אויפגעריסן דורך די היטלעריסטישע ליקווידיר־אָפּטיילונגען. די קעמפערישע גרופּעס מוזן זיך פאַרוואַנדלען אין אַן אומאויפהערלעך באַוועגלעך, אויסגעבלוטיקט מיליטער, וואָס טוישט כסדר זייַנע באַזעס און וואַנדערט צווישן דעם ים פון חורבות און אָנגעהויפנטע בערג פון צעטראַסקעטע ציגל און אַנדערן ברוך.

דער געניטער מיליטער־מאַן סטראָאָפּ האָט, מוז מען פעסטשטעלן, אויפגעכאַפּט אָט די ענדערונג אין דער לאַגע און ממילא אין דער טאַקטיק פון די אויפשטענדלערס. דעם 10טן מייַ שטרייַכט ער טאַקע אונטער אין זייַן טעלעגראַם: „ווי אין די פריִערדיקע טעג האָט מען ווידער, טראָץ אַלע דערוואַרטונגען, אַרויסגעשלעפּט אַ באַדייַטנדיקן טייל ייִדן פון די בונקערס. די ייִדן שטעלן אַ נישט־פאַרקלענערטן ווידערשטאַנד. ווי עס ווייַזט זיך אַרויס, האָט זיך די נאָך עקסיסטירנדיקע, נישט־פאַרניכטעטע הויפּטגרופּע פון די קעמפערס פון דער ייִדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג צוריקגעצויגן צו די דערגרייכבאַרע פאַר זיי חורבות, כדי פון דאָרטן מיט אַן אויף ס'נייַ געעפנטן פייַער צו דערלאַנגען קלעפּ אונדזערע איינהייטן”.

די ייִדישע קאַמפּסגרופּעס, וואָס זענען פאַרבליבן נאָכן 10טן מייַ אין געטאָ, די אָרגאַניזירטע, וואָס האָבן פריִער געהערט צום „זשאָב”, און אויך די לויזע, ווערן אָנגערופן חורבות־גרופּעס (אויף פויליש: „גרוזאָוּוצי”). דער דאָזיקער נאָמען שטאַמט נישט, ווי עס זענען זיך משער געוויסע מחברים, פון דער נאָכאויפשטאַנד־, אָדער נאָכמלחמהדיקער צייַט. ניין, מיטן דאָזיקן נאָמען האָבן זיך אָנגערופן די קעמפערס אין געטאָ גופא, אין דער דריטער פאַזע פון די קאַמפן. די ערשטע, וואָס האָט זיך אַליין געגעבן דעם דאָזיקן נאָמען, איז געווען די גרופּע פון שמעון מעלאָן, אַ גוט באַקאַנטער אויפשטענדלער פון דער פריִערדיקער צייַט; ער האָט צונויפגענומען אַ גרופּע פון 25 מענטשן און האָט אָפּערירט אויפן פּוסטן געביט פון שוויענטאָיערסקע און וואַלאָווע.

עס זענען געווען נאָך „זשאָב”־ און בונקער־גרופּעס, וועלכע האָבן ממשיך געווען דעם קאַמף צווישן די חורבות. ליידער ווייסן מיר נישט וועגן אַלע. פון פאַרשידענע גביות־עדות דערוויסן מיר

זיך וועגן די קאַמפּסגרופּעס פון די „זשאָב״־קאָמאַנדירן זכריה אַרטשטיין, יוסף פאַרבער און יצחק בלוישטיין, און וועגן אַנדערע קאַמפּסגרופּעס אונטער דער אָנפירונג פון שמעון קויפמאַן, קאַפּלאַן און אַ ריי גענוי נישט באַקאַנטע שלאַכט־אָנפירערס, וואָס האָבן אָפּערירט צווישן די חורבות פון מילע, וואָלינסקע, גענשע און אַנדערע גאַסן.

סטראָאָפּס לעצטע טאָגראַפּאָרטן, וועלכע נעמען אַרום די צײַט פון 10טן ביזן 16טן מײַ, ברענגען ווײַטער כסדרדיקע ידיעות וועגן קאַמפן אויף פאַרשידענע אָפּשניטן פונעם געטאָ. פון ייִדישע קוואַלן — און דאָס קען אַרויסדרינגען אויך פון סטראָאָפּס ראַפּאָרט — ווייסן מיר, אַז אין משך פון דער צײַט זענען פאָרגעקומען קאַמפן אויף גענשע־גאַס ,אויף נאַלעווקעס, אויף וואָלאָווע, אין אַ באַפעסטיקטן גרויסן בונקער אויף שוויענטאָיערסקע 3, ווּ עס האָט זיך אויסגעצייכנט די קעמפערין שרה ראָזנבלום (דעם 13טן מײַ), אין דעם בעקער־בונקער אינעם הויף וואָלאָווע 6 — שוויענטאָיערסקע 30 (דעם זעלביקן 13טן מײַ), אויף די דעכער אויף אַ געבײַדע וואָס איז געשטאַנען בײַ די ראַנדן פונעם געטאָ (גענוי ווּ דאָס איז געווען ווייסן מיר נישט; עס דרינגט נאָר אַרויס פון דער ידיעה אַז דאָס הויז איז נאָך נישט געווען פאַרברענט; פאָרגעקומען איז די שלאַכט דעם 14טן מײַ) אויף מילע, ווּ עס האָט געקעמפט אַ גרופּע פון טראַנספּאָרט־אַרבעטערס (דעם 15טן מײַ). די ריכטונג פון אַ ריי שלאַכט־אָנשטרענגונגען פון די חורבות־קעמפערס, בפרט פון שוויענטאָיערסקע־וואָלאָווע־געביט, זאָגט עדות, אַז די ייִדישע גרופּעס האָבן זיך געריסן צו די געטאָ־גרענעצן, שטרעבנדיק מיט געווער אין האַנט זיך אַריבערצובאַקומען אויף דער „אַרישער״ זײַט. און פון דער צווייטער זײַט מויער מאַכן ווײַטער די פּוילישע פאַרבינדעטע פון די קעמפנדיקע ייִדן באַמיִונגען צו אַטאַקירן דעם שונא און העלפן די אויפשטענדלערס. וועגן איינער אַזאַ שלאַכט־באַמיִונג אין דער נאַכט פון 13טן אויפן 14טן מײַ דערוויסן מיר זיך אין סטראָאָפּס ראַפּאָרט; דאָס איז געווען אין דער צײַט פונעם גרויסן אָנפלי פון דער סאָוועטישער אַוויאַציע (וועגן דעם וועט באַלד זײַן גענויער אַ רייד). אַ צווייטע אַקציע פון דער פאָלקס־גוואַרדיע אין דער נאָענט פון געטאָ, אויף לעשנע, האָט געהאַט אַן אָרט דעם 15טן מײַ; עס זענען דעמאָלט געפאַלן אין אומגלײַכן קאַמף די אונדז שוין באַקאַנטע העלדישע גוואַרדיסטן פראַנצישעק באַרטאָשעק און זיגמונט באַבראָווסקי. ווי מיר זעען, איז דער צײַטאָפּשניט פון דעם 10טן ביזן 16טן מײַ געווען גענוג רײַך אין קאַמפגעשעענישן, און עס איז דעריבער פאַרשטענדלעך וואָס די אָנפירנדיקע אינסטאַנצן פון דער היטלעריסטישער פּאָליציי פאָלגן כסדר נאָך מיט גרויס זאָרג דעם לויף פון די פּאַסירונגען אין וואַרשעווער געטאָ. אַזוי איז, למשל, געווען אָנוועזנדיק בײַ דער געטאָ־אַקציע דעם 19טן מײַ אַ „הויכגעשטעלטער״ גאַסט פון בערלין, דער לייטער פון דער פּערסאָנעלער ביוראָ פון דעם רײַכס־זיכערהייט־הויפּטאַמט, דער עס־עס־גרופּנפירער און גענעראַל־לייטענאַנט פון וואָפן־עס־עס פאָן הערף. דער עסעסישער גדול האָט זיך געקאָנט מיט די אייגענע אויגן איבערצײַגן מיט וואָס פאַר אַ פאַרביטערונג די ייִדן קעמפן, אָבסערווירנדיק די שלאַכט אויף די דעכער פון דער דערמאָנטער געבײַדע.

איינע פון די וויכטיקסטע געשעענישן פון דעם אָקערשט אַרומגערעדטן צײַטאָפּשניט איז געווען דער מעכטיקער באָמבאַרדירונג־אָנפלי פון דער סאָוועטישער אַוויאַציע אין דער נאַכט פון 13טן אויפן 14טן מײַ 1943. דער אײַנדרוק פון דער דאָזיקער לופט־אַטאַקע איז געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז ער האָט איבערגעלאָזט טיפע שפּורן סײַ אין די דײַטשע, סײַ אין די פּוילישע און סײַ אין די ייִדישע קוואַלן.

דער סאָוועטישער אָנפלי האָט געהאַט אַ טאָפּלטן באַטײַט: אַ מאָראַלישן און אַ מאַטעריעלן, אַ ממשותדיקן. דער מאָראַלישער זין פון דעם אָנפלי איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס מיט אים זענען געווען פאַרבונדן די האָפענונגען פון אַלע פאַרשקלאַפטע פעלקער און בפרט פון די לעצטע געטאָ־אסורים, האָט איבערגעריסן די פאַרשווערונג פון שווײַגן, מיט וועלכער די מערבדיקע אַליאַנטן האָבן אַרומגערינגלט די טראַגעדיע און דעם קאַמף פון וואַרשעווער געטאָ. עס איז אַ פעסטגעשטעלטע זאַך, אַז די פאָרשטייערס פון דעם רעאַקציאָנערן לאַגער פון דער פּוילישער אונטערערד האָבן בכיוון פאַרהאַלטן די אַלאַרם־דעפּעשן קיין אויסלאַנד; אַז זיי האָבן איבערגעשיקט די פונקען־טעלעגראַמעס צו שפּעט און אַז די מאָסגעבנדיקע פּוילישע ספערעס אין לאָנדאָן האָבן פאַרעפנטלעכט די ערשטע ידיעות פון אונטערגייענדיקן געטאָ גאָר שפּעט, עטלעכע וואָכן נאָכן אויסבראָך פונעם אויפשטאַנד, ווען דאָס געטאָ איז שוין אין גרעסטן טייל געווען פאַרברענט און אויפגעריסן. דער הויפּטשטאַב פון די מערב־אַליאַנטן, אונטער דער אָנפירונג פון אַמעריקאַנישן גענעראַל דווייט אייזענהאָוער, האָט מיט קיין איין אָנפלי, מיט קיין איין שאָס, מיט קיין איין געווער־איבערוואַרפונג נישט רעאַגירט. און ווען עס איז שוין געווען נאָך אַלעמען, זענען אַרויס די פּרעסע־אָרגאַנען פון מיקאָלײַטשיקן, סאָסנאָקאָווסקין און זאַרעמבאַן מיט צביעותדיקע אַרטיקלען וועגן דער ייִדישער גבורה און אַראָפּגעלאָזט אַ פּאָר קראָקאָדיל־טרערן איבערן גורל פון דעם אויסגעמאָרדעטן ייִדישן פאָלק.

בלויז דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט רעאַגירט. אויף די אַלאַרם־ידיעות וואָס זענען דורך די פּאַרטיזאַנישע באַזעס אָנגעקומען אינעם סאָוועטישן שטאַב, האָט מאָסקווע געענטפערט מיט דעם, וואָס זי האָט דעמאָלט, אין די באַדינגונגען פון אַ געוואַלדיקן מרחק, ווײַט פון וואַרשע, געקאָנט טאָן: מיט איבערוואַרפן געווער פאַר די הינטערוואַרשעווער פּאַרטיזאַנער. און מיט אָנפליִען פון דער באָמבאַרדיר־אָוויאַציע. עס איז שוין באַמערקט געוואָרן, אַז טיילן פון דעם דאָזיקן אַריבערגעוואָרפענעם געווער האָבן געטראָפן צו די הענט אויך פון די געטאָ־אויפשטענדלערס. ווי מיר האָבן שוין געזען, האָבן זיך די סאָוועטישע אַעראָפּלאַנען פריִער דערנענטערט צו וואַרשע עטלעכע מאָל, ערשט איצט אין דער נאַכט פון 13טן אויפן 14טן מײַ איז געלונגען דורכצופירן אַ גראַנדיעזן אָנפלי, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַזאַ שטאַרקן רושם.

דער אָנפלי האָט געדויערט פון האַלב צוועלף ביז האַלב צוויי בײַ נאַכט. די רויטע אַעראָפּלאַנען האָבן באָמבאַרדירט די ראַיאָנען און גאַסן ווּ עס האָבן זיך געפונען היטלעריסטישע אַמטן, די קאַזאַרמעס פון עס־עס, אַרסענאַלן און מאַגאַזינען פון רײַכסווער און באַנאָביעקטן. באָמבעס זענען געפאַלן אויך אין שכנות פון חורבן געטאָ און בײַ דער פּאַוויאַק־תפיסה.

די סאָוועטישע פליִערס האָבן בעתן אָנפלי אַראָפּגעוואָרפן אַחוץ באָמבעס, וועלכע זענען געווען באַשטימט פאַר די היטלעריסטן, אויך אַ ריזיקע צאָל פלוגבלעטער פאַר דער פּוילישער באַפעלקערונג. די פלוגבלעטער האָבן איבערגעגעבן דעם באַרימטן אינטערוויו פון סטאַלינען וועגן דער צוקונפט פון פּוילן און אַ רוף אָנטייל צו נעמען אין די אויפשטאַנד־אַקציעס. היות דעמאָלט איז אין וואַרשע געווען איין אויפשטאַנד, איז קלאָר, אַז די סאָוועטישע פלוגבלעטער האָבן גערופן די באַפעלקערונג זיך אײַנצושליסן אין די קאַמפן, וואָס האָבן

זיך אָנגעהויבן אין געטאָ, צו העלפֿן די ייִדן, וואָס זענען געשטאַנען אין פֿאַרצווייפֿלטן געראַנגל.

אין דער זעלביקער נאַכט, ווען אין משך פֿון צוויי שעה האָט די סאָוועטישע אַוויאַציע אָנגעוואָרפֿן אַ פּאַנישע שרעק אויף די היטלעריסטישע פֿעלקערמערדערס, זענען אַרויס פֿון זייער אונטערערד פּוילישע אַנטיפֿאַשיסטישע פּאַטריאָטישע קאַמפֿסגרופּעס, זיך אָנגערוקט צו די געטאָ־מויערן און אַטאַקירט די דײַטשן מיט פֿײַער פֿון מאַשין־געווער און האַנט־שיסגעווער. דעם דאָזיקן זייער וויכטיקן און כאַראַקטעריסטישן פֿאַקט מערקט אָפּ אין זײַן טאָגראַפּאָרט דער באַאומרויִקטער עס־עס־גענעראַל סטראָאָפּ. פֿון דעם איז אַרויסצודרינגען, אַז דער אָנפֿלי איז געווען קאָאָרדינירט מיט דער פּויליש־אַנטיפֿאַשיסטישער אונטערערד. לאָמיר זיך דערבײַ דערמאָנען, אַז אין מײַ 1943 האָט שוין עקסיסטירט און געווירקט אין מאָסקווע דער „פֿאַרבאַנד פֿון די פּוילישע פּאַטריאָטן”, וואָס האָט געוויס געהאַט קאָנטאַקטן מיט דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי אין לאַנד.

דער פּלוצעמדיקער אָנפֿלי פֿון די סאָוועטישע עראָפּלאַנען האָט אַרויסגערופֿן אַ געוואַלדיקע פֿרייד און אַ נײַעם צופֿלוס פֿון קאַמפֿס־ענערגיע בײַ די לעצטע חורבות־ און בונקער־גרופּעס אין געטאָ. אַ סך קעמפֿערס נעמען תּיכּף אָן אַ געוואַגטן געדאַנק: אויסנוצן די פּאַניק בײַם שונא, שטורעמען דעם געטאָ־מויער און פּרוּוון זיך אַדורכרײַסן אויף אויסן. אַזעלכע פּרוּוון זענען טאַקע געמאַכט געוואָרן אין דער ריכטונג פֿון די גרענעצגאַסן מילנע, באָניפֿראַטן און אָקאָפּאָווע. צום באַדויערן איז נאָר טיילווײַז די דאָזיקע אונטערנעמונג געלונגען. און ווידער דאַרף מען זאָגן: דער פֿאַקט, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אַ גלײַכצײַטיקער אָנגריף פֿון אויסן און פֿון אינעווייניק אויף דער דײַטשער קייט אַרום די געטאָ־מויערן, זאָגט אונטער, אַז מיר האָבן אפֿשר דאָ נאָך אַלץ צו טאָן מיט אַ געוויסער קאָאָרדינאַציע צווישן דער פֿאָלקסגוואַרדיע און די געטאָ־קעמפֿערס.

לאָמיר אויף דעם אָרט דערמאָנען דעם פֿאַקט, וועלכן עס ברענגט אין זײַן בוך „אין קאַמף פֿאַרן לעבן” דער עדות יאָנאַס טורקאָוו, אַז די סאָוועטישע קריגס־געפֿאַנגענע, וועלכע זענען אין יענער צײַט געווען באַשעפֿטיקט בײַ צוואַנגאַרבעט אין איינעם מיט ייִדישע אַרבעטערס אויפֿן מיזרח־וואָקזאַל, האָבן איבערגעשיקט אַ ברידערלעכן קאַמפֿגרוס די געטאָ־אויפֿשטענדלערס; דער גרוס האָט זיך — ווערליק עס גיט איבער דער עדות — געענדיקט מיט די ווערטער: „מאָלאָדצי רעביאַטאַ!” (ווויל, יאַטן).

עס איז איבעריק צו שילדערן די מהומה וואָס איז אויסגעבראָכן אינעם לאַגער פֿון שונא. די היסטערישע אַרטיקלען אין דער אָרטיקער היטלעריסטישער פּרעסע וועגן דער „ייִדיש־באָלשעוויסטישער” לופֿט־אַטאַקע און געבעלסעס ווענדונגען אין „דאָס רײַך” פֿון מײַ 1943 קעגן הומאַניטאַריזם לגבי די ייִדן האָבן נישט געקאָנט אײַנשטילן די צעשרויפֿטע געמיטער פֿון די אָקופּאַנטישע באַאַמטע. אַ קנאַפּע באַרויִקונג האָבן אַרײַנגעבראַכט די רעפֿעראַטן פֿון דעם שטאַבלייטער פֿונעם פּראָפּאַגאַנדע־אַמט פֿון נסדא״פּ אייגען האַדאַמאָווסקי, וועלכער איז ספּעציעל אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין פּוילן און איז אַרויסגעטראָטן אין דער צווייטער העלפֿט מײַ אין קראָקע און אין וואַרשע אויף דער טעמע פֿון געטאָ־ און ייִדן־ליקווידאַציע. ער האָט טאַקע אַפּעלירט צו זײַנע צוהערערס, „זיי זאָלן זיך נישט לאָזן באַהערשן דורך זינלאָזע באַטראַכטונגען און סקעפּטישע שטימונגען” („וואַרשעווער צײַטונג” פֿון 23טן מײַ 1943), אָבער אויך דאָס האָט נישט געקאָנט ראַטעווען דעם אַרונטערגעריסענעם — אַ דאַנק דעם ייִדישן אויפֿשטאַנד — פּרעסטיזש פֿון דער היטלעריסטישער מאַכט אין אָקופּירטן פּוילן. די היטלעריסטישע גדולים האָבן אַליין שוין דעמאָלט קנאַפּ געגלויבט אין דער ווירקונג פֿון פּראָפּאַגאַנדע, האָבן זיי טאַקע געדראָעט מיט פֿאַרשאַרפֿטן טעראָר (פֿישערס אויפֿרוף פֿון 13טן מײַ קעגן „ייִדן און באָלשעוויקעס” און הימלערס אינסטרוקציע פֿון 10טן מײַ צו פֿאַרשטאַרקן די פּאָליציייִשע כּוחות צוליב די „גאַסנקאַמפֿן אין וואַרשעווער געטאָ”).

מען קאָן זיך משער זײַן, אַז די אָנפֿירנדיקע פּאָליציייִשע אָרגאַנען האָבן געדריקט אויף סטראָאָפּן ,ער זאָל שוין מאַכן אַ סוף מיט דער א״ג „גרויסער אַקציע” אין געטאָ. דעריבער מסתּמא האָט דער הויפּט־ליקווידאַטאָר באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן דעם 16טן מײַ דעם סוף פֿון דער אַקציע און כּדי צו פֿאַרענדיקן אויף אַ פֿאַרברעכעריש־פֿײַערלעכן אופֿן, האָט ער באַפֿוילן אויפֿצורײַסן די גרויסע סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע. דער אויפֿרײַס איז געווען אַזאַ שטאַרקער, אַז ער האָט — ווי עס שטעלט פֿעסט אַ פּוילישער אונטערערדישער כראָניקער — „אויפֿגעטרייסלט גאַנץ וואַרשע”. אָבער דערמיט איז נאָך דער ווידערשטאַנד אין געטאָ נישט ליקווידירט געוואָרן. דעם זעלביקן טאָג, ווען סטראָאָפּ האָט אָנגעשריבן אין זײַן ראַפּאָרט די ווערטער „עס איז מער נישטאָ קיין ייִדישער וווינבאַצירק אין וואַרשע”, האָט זיך ווידער באַוויזן אַ גרעסערע ייִדישע באַוואָפֿנטע קאַמפֿסגרופּע אויף די חורבות פֿון זאַמענהאָף און מילע. מיט 12 טעג שפּעטער ,דעם 28טן מײַ, טיילט מיט די פּפּ״רישע צײַטשריפֿט „גלאָס וואַרשאַווי” וועגן דעם, אַז אין געטאָ „האָט דער קאַמף אויפֿגעפֿלאַקערט אויף ס'נײַ”. איבעריקנס, האָט סטראָאָפּ אַליין נישט געגלויבט, אַז דער ווידערשטאַנד פֿון די ייִדן איז שוין לגמרי דערשטיקט, והא ראיה: ער האָט נאָכן 16טן מײַ באַשטימט אַ ספּעציעלן פּאָליציי־באַטאַליאָן מיט אַ הויכן אָפֿיציר בראש צו קאָנטינויִרן די ליקווידיר־אַקציע אין חורבן געטאָ.

וואָס ווייסן מיר וועגן די ווײַטערדיקע קאַמפֿן פֿון די לעצטע ייִדישע אויפֿשטענדלערס?

מיר הערן וועגן אַ קעגנזײַטיקער שיסערײַ דעם 18טן מײַ. מיר דערוויסן זיך אַז אויף צו מאָרגנס, דעם 19טן מײַ, ברעכן אויס קאַמפֿן אויפֿן ראָג גענשע און נאַלעווקעס; לויט אַלע שפּורן קעמפֿט דאָ די חורבות־גרופּע פֿון שמעון מעלאָן. דעם זעלביקן טאָג שטעלט אַ ווידערשטאַנד די בונקער־גרופּע אויף מילע 44. נאָכן 19טן מײַ הערן מיר נישט מער אין די ביז איצט באַקאַנטע מקורים וועגן מילע־גאַס. מען קען אַזוי אַרום אָננעמען, אַז די דאָזיקע העלדישע גאַס און צענטער פֿון דער ייִדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג איז אין דער צווייטער העלפֿט מײַ דערשטיקט געוואָרן אין בלוט און פֿײַער און איז אומגעקומען אין לעצטן אומגלײַכן געראַנגל. פֿון אַן עדות דערוויסן מיר זיך בלויז, אַז צווישן די לעצטע קאָמאַנדירן פֿון מילע־גאַס זענען געווען די אַרבעטער הערש פֿעלהענדלער און האָכבוים.

נאָך מילע קומט די ריי אויף די נאַלעווקעס. די לעצטע קאַמפֿן זאָלן דאָ האָבן פֿאָרגעקומען אין די בונקערס פֿון די הײַזער נומער 37 און 38. סוף מײַ בלײַבט שווײַגן אויך די דאָזיקע אַ מאָל רוישיקע ייִדישע גאַס.

דעם 20טן מײַ ברעכן אויס נײַע קאַמפֿן אויף נאָוואָליפּקע און נאָוואָליפּיע. ווי עס גיט איבער די פּוילישע אונטערערדישע פּרעסע, הערט מען כּסדר קעגנזײַטיקע שיסערײַען און שלאַכטאָפּהילכן פֿון די דאָזיקע גאַסן. וועגן גורל פֿון די קאַמפֿן ווייסן מיר, צום באַדויערן ,ווייניק.

צו די געשעענישן פֿון סוף מײַ דאַרף מען פֿאַררעכענען אויך די באַוואָפֿנטע פֿאַרטיידיקונגען פֿון אַרבעטער־בונקערס אויף אָקאָ־

פּאָווע און דעם פאַקט, וואָס די פּליטים פון די דאָזיקע בונקערס געלינגט נאָך די שלאַכטן זיך אַדורכצורייַסן אַזש ביז וואָלאָווע, ווו זיי פאַראייניקן זיך מיט אַן אָרטיקער חורבות־גרופּע.

דעם 31טן מייַ איז בייַם גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק אין קראָקע פאָרגעקומען אַ זיצונג פון די „מיניסטאָרן" פון דער גענעראַל־גובערניע. צווישן אַנדערס איז געווען אַ רייד וועגן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. מען האָט אויף דער זיצונג איבערגעגעבן, אַז נאָך איצטער, דעם 31טן מייַ, שלאָגן זיך די ייִדן קעגן די דייַטשן אין וואַרשע.

אָט אַזוי טרעטן מיר צו צום דריטן חודש, צו יוני. נישט געקוקט אויף דעם שרעקלעכן הונגער און דאָרשט, וואָס פּייַניקן די לעצטע בונקער־גרופּעס, הערט מען נישט פון דעסט וועגן וועגן קאַפּיטולאַציע. פאַרקערט: דער „גלאָס וואַרשאַווי" פון 8טן יוני שרייַבט וועגן דעם, אַז די לעצטע טעג האָבן די געטאָ־קעמפערס דורכגעפירט פרישע אָנפאַלן אויף די מויערן און דערהרגעט אַלע זשאַנדאַרן. פון ייִדישע קוואַלן ווייסן מיר וועגן די לעצטע קאַמפן פון דער גרופּע פון זכריה אַרטשטיין אויף באָניפראַטן. אַן עדות גיט טאַקע איבער וועגן דעם פּרוּוו פון אָט דער גרופּע אָנהייב יוני צו שטורעמען דעם געטאָ־מויער; דער מוטיקער קאָמאַנדיר אַרטשטיין, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען אין יאַנואַר 1943, פאַלט מיט אַ העלדנטויט בייַ אָט דער אַקציע. אין דער געגנט פון מוראַנאָווער פּלאַץ און באָניפראַטן אָפּערירט אַ באַוואָפנטע טראַנספּאָרטלער־גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון משה באָלשעוויק (אַ פּסעוודאָנים). עס שטעלן אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד דער דייַטשער פּאָליציי קלענערע גרופּעס פון יוגנטלעכע אויף קוזשע־גאַס (מייַזעלס־גאַס) און די אַנדערע פּונקטן. אַזעלכע פאַלן זענען געווים געווען אין משך פון חודש יוני מער, אָבער איצט ווערן די ידיעות אַלץ שיטערער און מטושטש. עס פעלן איינצלנע נעמען פון מענטשן, עס ווערן דאָ און דאָרט דערמאָנט גאַסן, אָבער קיין בילד קאָן מען שוין פון אָט די לויזע גרוסן נישט אויפשטעלן.

אָבער אַ פלעמל פון ווידערשטאַנד טליִעט נאָך אַלץ. עס טוט אַ בליץ אויף אפילו אינעם פערטן חודש — אין יולי. דאָס זענען שוין די סאַמע לעצטע איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען פון די ביזן העכסטן גראַד דערשעפּטע קעמפערס ,וואָס וואַלגערן זיך צווישן די חורבות פונעם פירעק שווינטאָיערסקע־וואָלאָווע־פראַנציסקאַנער־מוראַנאָווער פּלאַץ און זייער זעלטן אויך אויף די אויסגעשטאָרבענע גאַסן זאַמענהאָף און פּאַוויע.

אויף וואָלאָווע פיר נעמט אויף מעלאַנס גרופּע מיט קוילן אַ פּאָליצייִשע קאָלאָנע, וועלכע דרינגט אַרייַן אין אָט דעם פּלאַץ מיטן האָרסט־וועסל־ליד אויף די ליפּן.

אָנהייב יולי שטעלט אַ ווידערשטאַנד אַ טרעגער־בונקער אויף פראַנציסקאַנער 37.

לפי ערך אין דער זעלביקער צייַט קומט פאָר אַ שלאַכט אויף נאַלעווקעס און זאַמענהאָף.

ווי וווּנדערלעך גרויס עס איז געווען דער מוט פון דעם לעצטן הייפל קעמפערס קאָן דערווייַזן דער פאַקט, וואָס דעם 14טן יוני איז אינעם בונקער אויף שווינטאָיערסקע 34 פאָרגעקומען — ווי עס גיט איבער דער איינציק געבליבענער עד־ראיה לעאָן נייַבערג — אַ פאַרזאַמלונג מיט דער באַטייליקונג פון אַ גרעסערער צאָל אויפשטענדלערס, וואָס באַשליסן אַרויסצושיקן אַ דעלעגאַציע צו די פירערס פון דער אַנטיפאַשיסטישער פּוילישער אונטערערד מיט אַ ווענדונג וועגן געווער און אַמוניציע, כדי צו קאָנען ממשיך זייַן דעם געראַנגל.

אין די לעצטע וואָכן האָט זיך ווידער פאַרשטאַרקט די הילף־אַקציע פון די פּוילישע אַנטיפאַשיסטן פון יענער זייַט געטאָ־מויער. די פּפּ"ר שטעלט אויף אין אַ רייע ערטער נאָענט פון געטאָ פּונקטן מיט אייגענע מענטשן, וועלכע דאַרפן ראַטעווען ווען עס וועט זיך לאָזן. אין אָט דער צייַט צייכענען זיך אויס מיט זייער אמתער מענטשלעכקייט די מיטגלידער אָדער סימפּאַטיזירערס פון פּפּ"ר: די ברידער שימטשאַק, דער הויזוועכטער וואַשילעווסקי און זייַן פרוי, דער קאַפּיטאַן פון דער פאָלקסגוואַרדיע מילער, אַ גרופּע ווייַסל־אַרבעטערס, דער קוימען־קערער איגנאַצי סאַוויצקי און אַ סך אַנדערע. די דאָזיקע אַנטיפאַשיסטן און מענטשנפרייַנד איז אויסגעקומען — פּונקט ווי די צום מערסטן גערודפטע ייִדן — אויסצושטיין אַ ביטערן קאַמף אויף צוויי פראָנטן: קעגן די היטלעריסטן און קעגן די „אייגענע" פאַררעטערס פון נס"ז און „סטאַרט" און די כאָפּטעס „שמאַלצאָווניקעס", וואָס לויערן בייַ די געטאָ־מויערן און אויף די שטאָטגאַסן אויף אַ קרבן. מיט אַזעלכע היענעס אין מענטשלעכן געשטאַלט איז אויסגעקומען צו קעמפן מיט געווער אין האַנט אַ ריי ייִדישע חורבות־גרופּעס אין געטאָ און אויף זייַנע ראַנדן.

די לעצטע ייִדישע גרופּע איז אַרויס פון געטאָ אויף דער „אַרישער" זייַט מיט געווער אין האַנט דעם 23טן סעפּטעמבער. דאָס איז געווען דער לעצטער אַרויספאַל פון די מאָהיקאַנער פונעם אויפשטאַנד. אָבער אין פאַרשידענע לעכער אונטער די חורבות זענען נאָך געבליבן אַנדערע, וואָס אַלע שפּורן נאָך זיי זענען פאַרשוווּנדן.

ווי איז געווען דאָס געפיל פון די לעצט אַרויסגעגאַנגענע געטאָ־קעמפערס?

הינטער זיי איז געבליבן אַ ריזיקע וויסטעניש פון חורבות און ברוך, אייַנגעהילט אין אַ טויטער שטילקייט, וואָס האָט זיך צעטראָגן איבער דעם אויסגעמאָרדעטן און פולשטענדיק צעשטערטן געטאָ.

פאַר זיי איז געלעגן די שטאָט, פול מיט סכנות, אָבער אויך רייַך אין מעגלעכקייטן אונטערצונעמען אַ ווייַטערדיקן קאַמף, ממשיך צו זייַן דעם איבערמענטשלעכן געראַנגל ,וואָס איז אַזוי בלוטיק און סאַדיסטיש דערשטיקט געוואָרן דורך דער עס־עס, פּאָליציי, רייַכסווער און פאַשיסטישן ערב־רב.

מיר וועלן זיך אויף דעם אָרט נישט אָפּשטעלן אויפן פאַרנעם און אויף די אופנים פון דעם פעלקערמאָרד אין וואַרשעווער געטאָ. דערצו פאָדערט זיך אַ באַזונדערע בפרטיותדיקע אַרבעט. מיר זענען אויסן נאָר אונטערצושטרייַכן, אַז לויט אַלע וואָרשייַנלעכקייטן זענען דורך די מאָרדבאַנדעס פון עס־עס־גענעראַל יורגען סטראָאָפּ אומגעבראַכט געוואָרן אויפן אָרט, אין פלאַמען און אין פאַרפּלייצטע קאַנאַלן, אונטער די אויפגעריסענע חורבות און דורך דערשיסונגען און אויך דורך דעם, וואָס מען האָט זיי אַוועקגעשיקט אויף טויט אין די אומקום־לאַגערן — איבער 70 טויזנט ייִדן, מענער און פרויען ,קינדער און זקנים, קראַנקע און אינוואַלידן. אויפן סמך פון די צאָלן וואָס עס גיט אָן סטראָאָפּ ,קאָן מען אָננעמען, אַז אַרום פינף מיט אַ האַלבן טויזנט ייִדן זענען געפאַלן אין קאַמף. די דאָזיקע ציפערן באַגרענעצן זיך נאָר צו דער צייַט ביזן 16טן מייַ.

וויפל עס זענען געפאַלן פאַשיסטן מכל המינים, איז שווער גענוי פעסטצושטעלן. סטראָאָפּ פאַרקלענערט אין זייַנע ראַפּאָרטן בכיוון די צאָל פון די אייגענע פאַרלוסטן. אין די שפּעטערדיקע

שמועסן האָט ער באַטאָנט, אַז דאָס רוב פאַרוואונדעטע האָט ער בכלל נישט אַרײַנגענומען אין חשבון. די רשימה פון די נעמען פון די געפאַלענע און פאַרוואונדעטע, וואָס סטראָאָפ גיט אָן בײַם אָנהייב פון זײַן ראַפאָרט, שפיגלט נישט אָפ די ווירקלעכקייט, און מען דאַרף זיך משער זײַן אַז דאָס איז געווען אַ צעטל פון די, וועלכע דער עס־עס־גענעראַל האָט געוואָלט צושטעלן צו באַלוינונג. די פוילישע אונטערערדישע פרעסע גיט אָן אַ סך גרעסערע ציפערן פון דעם שונאס פאַרלוסטן, — לויט אונדזער מיינונג — נאָענטע צום אמת.

פאַר זײַנע פאַרדינסטן בײַם דערשטיקן דעם געטאָ־אויפשטאַנד איז יורגען סטראָאָפ באַלוינט געוואָרן דורכן פעלדמאַרשאַל קייטעל אויף הימלערס פאָרשלאָג דעם 18טן יוני 1943 מיט אַן אײַזערנעם קרייץ פון ערשטן קלאַס. אויסצייכענונגען האָבן באַקומען אויך אַ ריי אָפיצירן און זעלנערס פון דער מערדער־אַרמיי פאַר פאַרשידענע „אויפטוען".

דעם 18טן יוני איז אַראָפגעקומען מיט אַן אָפיציעלן וויזיט קיין וואַרשע דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פראַנק אין דער געזעלשאַפט פון אַ צאָלרײַכער סוויטע. צוויי טעג האָט פראַנק פאַרבראַכט אין דער „פאַציפיצירטער" שטאָט. ער האָט באַזוכט די געטאָ־חורבות און דערנאָך אינעם בעלוועדער־פאַלאַץ אָפגעהאַלטן אַ קאָנפערענץ מיט פישערן און סטראָאָפן. צום סוף פון דעם וויזיט האָט פראַנק געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף אַ גרויסער פאַרזאַמלונג פון די אָקופאַנטישע באַאַמטע אינעם קינאָזאַל „ראָמאַ". ער האָט גערעדט אויך וועגן די לעצטע געשעענישן אין וואַרשע, וועגן „די שווערע מינוטן, וועלכע די דײַטשן ,וואָס אַרבעטן אין וואַרשע אויף אַרויסגערוקטע שטעלעס ,האָבן געמוזט אַדורכלעבן" („אינפאָרמאַציאַ ביעזשאָנצאַ" פון 23טן יוני 1943). ער האָט געדראָעט די „עלעמענטן וואָס וועלן זיך נישט פאַרבעסערן" מיט ווײַטערדיקן טעראָר. נאָך זײַן אָפפאָר פון וואַרשע איז דער פאָליציי־גאַרניזאָן אין וואַרשע נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן.

וואָרעם וואַרשע האָט זיך נישט אײַנגעשטילט און דאָס לאַנד אויך נישט. דער געטאָ־אויפשטאַנד האָט געגעבן אַ שטויס צו ווײַטערדיקע שטײַגנדיקע ווידערשטאַנד־אַקטן.

— 8 —

די ווירקונג און דער קולט פונעם געטאָ־אויפשטאַנד

דער גרויס וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָט זיך ברייט פאַרשפרייט נישט נאָר איבער דער שטאָט, נישט נאָר איבער דעם אָקופירטן פוילן, נאָר אויך ווײַט מחוץ די גרענעצן פון לאַנד.

די אַקטיווע אמת־פאַטריאָטישע עלעמענטן האָבן זיך נישט באַפרידיקט מיט אויסדריקן אַנטציקונג פאַרן אויסערגעוויינלעכן קאַמף: אַלע ערלעכע מענטשן האָבן פאַרשטאַנען און אַרויסגעפילט די לערע וואָס שטעקט אין דעם קאַמפסבײַשפיל, וועלכן דאָס וואַרשעווער געטאָ האָט געוויזן אין די דערהויבענע און טראַגישע טעג פון אַפריל־מײַ־יוני 1943. די סטימולירנדיקע, מיטרײַסנדיקע און דערציִערישע באַדײַטונג פונעם געטאָ־אויפשטאַנד האָט זיך אַנטפלעקט דירעקט און שנעל.

די ערשטע ווירקונג פונעם אויפשטאַנד האָט זיך אויסגעשפרייט אויף די לעצט פאַרבליבענע ייִדישע קיבוצים, וואָס האָבן אין יאָר 1943 אויסגעזען ווי זעלטענע אינדזלען אין ים פון בלוט און פאַרוויסטונג.

דער לעצטער געראַנגל פון די ייִדישע קעמפערס אין טשענסטאָכאָוו, בעת דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון דעם דאָרטיקן געטאָ אין די טעג פון 23טן און 29טן יוני איז געווען באַווירקט דורך די קאַרגע אָבער ליכטיקע ידיעות וואָס זענען אָנגעקומען אַהער פון וואַרשעווער געטאָ.

דער בונט וואָס איז אויסגעבראָכן דעם 2טן אויגוסט 1943 אין דעם טויטלאַגער טרעבלינקע, איז געווען אַ רעזולטאַט פון די דערמונטערנדיקע גרוסן, וועלכע זענען דערגאַנגען אַהער פון וואַרשעווער געטאָ, געבראַכט דורך די ייִדן, אָנגעקומענע מיט די טראַנספאָרטן פון וואַרשעווער אומשלאַג־פלאַץ.

דער פאַרצווייפלטער אַקטיווער ווידערשטאַנד, וואָס עס האָט געשטעלט די ייִדישע קאַמפסגרופע פון בענדינער געטאָ דעם דריטן אויגוסט 1943 אין אַ באַפעסטיקטן בונקער, איז געווען דירעקט אָרגאַניזירט דורך די פאָרשטייערס פון דער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע פון וואַרשעווער געטאָ.

איבערן אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ, וואָס איז אויסגעבראָכן דעם 16טן אויגוסט 1943 און האָט געדויערט אַ משך פון אַ סך טעג ,האָט געהויכט דער גײַסט פון די וואַרשעווער געטאָ־אויפשטענדלערס.

אויך אין דעם טויטלאַגער סאָביבאָר איז אַרײַנגעדרונגען די באַגײַסטערנדיקע בשורה פון דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. דעם 14טן אָקטאָבער זענען די ייִדישע אסורים פון סאָביבאָר אַרויס אין קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן די פאַשיסטישע פעלקערמערדערס ,שפינענדיק אַזוי אַרום ווײַטער דעם גאָלדענעם פאָדעם פון די וואַרשעווער געטאָהעלדן.

צווישן די ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ, וואָס זענען אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון סטראָאָפס באַנדיטן און זענען געבראַכט געוואָרן אין דעם לאַגער אין פאָניאַטאָוו, אין לובלינער געגנט, האָט זיך געפונען אַ פעסטע גרופע קעמפערס. אינעם לאַגער האָט מען זיך גענומען גרייטן צו אַ ווידערשטאַנד, שטרעבנדיק ממשיך צו זײַן דעם קאַמף וואָס איז אָנגעהויבן געוואָרן אין וואַרשע. עס זענען אויך געווען קאָנטאַקטן מיט די אַרומיקע סאָוועטישע פאַרטיזאַנערס. לײדער איז דער שונא פאַרלאָפן דעם וועג; אין נאָוועמבער 1943 איז געפאַלן דער שוואַרצער פסק־דין, און די ייִדישע אַרבעטערס פון פאָניאַטאָוו און טראַווניק זענען אַרויסגעשלעפט געוואָרן צום אומקום.

אין דעם לעצטן מאָמענט האָט זיך אַ גרופע געוועזענע מיטגלידער פון דער ייִדישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע פאַרבאַריקאַדירט אין אַ הויז און געשטעלט אַ פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד. די היטלעריסטישע מערדערס האָבן אונטערגעצונדן דאָס הויז; די ייִדישע קעמפערס, די לעצטע מאָהיקאַנער פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, זענען אומגעקומען אין פלאַמען אין נאָוועמבער 1943 אין פאָניאַטאָווער לאַגער.

פרוּוון פון אַקטיוון ווידערשטאַנד זענען אויך געמאַכט געוואָרן אין טראַווניקער לאַגער.

דער המשך פון דעם העלדישן געטאָקאַמף האָט אַ קאָנקרעטן תיקון באַקומען בײַ יענע אויפשטענדלערס וואָס זענען דעם 26טן אַפריל און דעם 10טן מײַ אַרויסגעפירט געוואָרן דורך דער פאָלקס־גוואַרדיע דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן און זענען אַוועק קאָנטינויִרן דעם געראַנגל אין די רייען פון דער פאַרטיזאַנישער באַוועגונג. אין די ווישקאָווער וועלדער האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט אין אַ

ייִדישער אָפטיילונג פון דער פאָלקסגוואַרדיע אונטערן נאָמען „מרדכי אַניעלעוויטש" אָדער „געטאָקעמפערס". לאָמיר בײַ דער געלעגנהייט דערמאָנען די נעמען פון די פוילישע אַנטיפאַשיסטן, וואָס האָבן זיי געהאָלפן אין אַלע הינזיכטן: די פפ"ר־טוערס סטאַניסלאַוו לאַסקאָווסקי און סטאַניסלאַוו שיקאָרסקי און דער לינקער סאָציאַליסט יוזעף פעראַ און זײַן איידעם וולאַדיסלאַוו שוויענטאָכאָווסקי. די ייִדישע פאַרטיזאַנערס זענען געווען נישט שלעכט באַוואָפנט אַ דאַנק דעם געווער וועלכן עס האָבן אַראָפגעוואָרפן סאָוועטישע אַעראָפלאַנען, געווער האָבן זיי אויך דעראָבערט בײַם שונא.

צווישן די אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן פון דער פאָלקסגוואַרדיע געפינען זיך אַ סך ידיעות וועגן דעם לעבן און קאַמף פון דעם פאַרטיזאַנישן אָפטייל פון די געטאָקעמפערס: קאַמפראַפאָרטן, באַריכטן פון עקספּעדיציעס מצד פאָרשטייערס פון דער הויפט־אָנפירונג פון דער פאָלקסגוואַרדיע, אינפאָרמאַציעס און קאָמוניקאַטן אין דער פרעסע. דאָס אַלץ דערווײַזט פון איין זײַט, אַז די ייִדישע אָפטיילונג איז געווען אַ קאַמף־טעטיקע און האָט פאַרנומען אַ חשובן אָרט אין דער פאָלקסגוואַרדיע, און פון דער צווייטער — אַז די אָנפירונג פון דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ" האָט געשאָנקען אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט און השגחה די נעכטיקע געטאָ־אויפשטענדלערס און הײַנטיקע פאַרטיזאַנערס.

שווער איז געווען דאָס לעבן אין וואַלד, פול מיט סכנות, שווער בפרט פאַרן שטאָטישן מענטש. אָבער די פאַרטיזאַנישע באַדינגונגען האָבן געגעבן מער מעגלעכקייט פון נקמה נעמען אינעם שונא, און ווי שטייט עס געשריבן אין אַ פאַרטיזאַניש ליד: „אין וואַלד האָבן מיר געקאָנט אויפהייבן די קעפ".

שוין אין די ערשטע טעג האָט די ייִדישע אָפטיילונג געליטן אַ ווייטיקלעכן פאַרלוסט: זעקס איבערגעגעבענע קאַמפס־חברים מיט די העלדישע אויפשטענדלערס דוויד נאָוואָדוואָרסקי און דאָרקע דעמבינסקאַ בראש זענען געפאַלן אין אַן אומגלײַכן קאַמף מיט די איבערוועגנדיקע כוחות פון דער פאָליציי. דאָס האָט די פאַרטיזאַנערס נישט אָפגעשראָקן, און שוין אין יוני 1943 — לייענען מיר אין אַ ראַפאָרט — פירן זיי דורך אַ ריי ערנסטע קאַמפאַקציעס אין דער געגנט. כדי די אָפטיילונג זאָל זיך קאָנען בעסער באַוועגן, ווערט זי צעטיילט אין דרײַ דרוזשינעס אונטער דער אָנפירונג פון די קאָמאַנדירן יאַנעק שוואַרצפוס, מרדכי גראָוועד און איגנאַץ פאָדאָלסקי.

דער שלאַכטרום פון די געטאָ־פאַרטיזאַנערס האָט זיך שנעל צעשפרייט אין דער געגנט. נישט ווײַט פון די וואַרשעווער וועלדער, אינעם וועגנגראָווער פּאָוויאַט, האָט זיך געפונען אַ לאַגער פון סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע ,דער לאַגער נומער 333. סאָוועטישע סאָלדאַטן און אָפיצירן הייבן אָן אַנטלויפן פונעם לאַגער, זיי טרעטן אַרײַן אין די פאַרטיזאַנישע רייען; אַ טייל פאַראייניקט זיך מיט דער אַניעלעוויטש־אָפטיילונג. די אָפטיילונג פון דער פאָלקסגוואַרדיע שאַפט דעמאָלט נאָך צוויי פאַרטיזאַנישע גרופעס מיט די סאָוועטישע קאָמאַנדירן מיכאַיל אָסיעטעניעץ און סעמיאָנאָוו בראש; אין איינעם מיט די דרײַ ייִדישע דרוזשינעס שאַפן זיי אַ שטאַרקן פאַרטיזאַנישן אָטריאַד, וועלכער באַשטייט איצט פון ייִדן ,רוסן, אַרמענער, גרוזינער, טאַדזשיקן, אָסעטינער, אוזבעקן, אַזערביידזשאַנער — אַ גאַנצע פילנאַציאָנאַלע פאַרטיזאַנישע רעפובליק. אויך וועגן דעם דערציילן אונדז די אַרכיוואַלע מאַטעריאַלן פון דער פאָלקסגוואַרדיע. די קאַמפאַקציעס ווערן פון איצט אָן דורכגעפירט אין איינעם.

אין אויגוסט אָדער אין סעפטעמבער 1943 (די ראַפאָרטן און די גביות־עדות אַמפערן זיך וועגן דער גענויער דאַטע, אָבער נישט וועגן דער זאַך גופא) האָט אַ דרוזשינע, אונטער דער אָנפירונג פון יאַנעק שוואַרצפוס און מיט דער באַטייליקונג פונעם „זשאָב"־שטאַבמיטגליד מיכאַל ראָזענפעלד, דורכגעפירט אַ העלדישע אַקציע הינטער דער באַנסטאַנציע אורלע ,אויף דער ליניע, וואָס פירט פון וואַרשע אויף מיזרח. דער אונטערגעלייגטער דינאַמיט האָט אויפגעריסן אַ מיליטערישן צוג, דערהרגעט אַזוי אַרום אַ סך זעלנערס פונעם שונא און פאַרטיליקט אַ ריזיקן טראַנספּאָרט אַמוניציע.

דאָס איז געווען די לעצטע גרויסע אַקציע פון דער גרופע. כמעט אַלע פאַרטיזאַנערס פון דער אַניעלעוויטש־אָפטיילונג זענען געפאַלן אין קאַמף. די גרופע פון שוואַרצפוס און ראָזענפעלד איז אַרומגערינגלט געוואָרן נאָך דער אורלע־אַקציע אינעם דאָרף קראַווצאָוויזנע דורך אַ שטאַרקער דײַטשער אָפטיילונג, וואָס איז אָנגעקומען פון טלושטש, אונטער דער אָנפירונג פון די זשאַנדאַרמעריע־אָפיצירן שטיין און שעפעלד. דאָס שטייאָרט פון די ייִדישע פאַרטיזאַנערס האָט אויסגעגעבן אַ פוילישער פאַררעטער. נאָך אַ לאַנגן פאַרביטערטן קאַמף זענען געפאַלן יאַנעק שוואַרצפוס, מיכאַל ראָזענפעלד ,גוטע טייכלער, זאָשע, לעווסקי, עמיל, „ראַבין" (אַ פסעוודאָנים) און אַנדערע. בלויז צוויי איז געלונגען זיך אַרויסצורײַסן און אַנטלויפן.

די צווייטע דרוזשינע ,פון מרדכי גראָוועד, איז אויף אַ פאַררעטערישן אופן אַרומגערינגלט און אויסגעראָטן געוואָרן דורך אַ רעאַקציאָנערער א"ק־אָפטיילונג, וואָס האָט גראַסירט אַ ביסל ווײַטער פון די ווישקאָווער וועלדער. די דריטע דרוזשינע, פון איגנאַץ פאָדאָלסקי — איינער פון די העלדן פון די קאַמפן טעבענס־שולץ־געביט אין געטאָ — האָט נאָך אַ געוויסער צײַט דורכגעפירט אין איינעם מיט די סאָוועטישע שלאַכטברידער אַ ריי אַקציעס. דאָס רוב סאָוועטישע פאַרטיזאַנערס איז אויך אומגעקומען בײַ פאַרשידענע שלאַכטן. פאָדאָלסקיס גרופע איז צוליב דעם ,וואָס אין ווישקאָווער געגנט האָט שוין דער באָדן געברענט אונטער די פיס, אַוועק אויף מיזרח, כדי זיך צו פאַראייניקן מיט די דאָרטיקע גרויסע פאַרטיזאַנישע מחנות. אויפן וועג, אין אַ דאָרף פניעוואַ, איז די ייִדישע גרופע אויף אַ פאַררעטערישן אופן באַפאַלן געוואָרן דורך אַ נס"ז־באַנדע, און נאָך אַ פאַרצווייפלטער זעקס־שעהעדיקער פאַרטיידיקונג זענען אַלע ייִדישע פאַרטיזאַנערס אין איינעם מיטן קאָמאַנדיר געפאַלן. בלויז איינעם איז געלונגען זיך אַדורכצורײַסן און צו ברענגען די טרויעריקע ידיעה צו די ייִדישע פאַרטיזאַנערס פון די ביאַליסטאָקער וועלדער.

אין דער וואַרשעווער געגנט האָט נאָך אַ געוויסע צײַט אָפערירט די לעצטע גרופע פון דער אַניעלעוויטש־אָפטיילונג אונטער דער אָנפירונג פונעם קאָמאַנדיר יורעק (דער פאַמיליע־נאָמען איז אונדז נישט באַקאַנט).

אָט אַזוי איז די פאָן פונעם אויפשטאַנד הויך געטראָגן געוואָרן אין די וועלדער דורך די מאָהיקאַנער פון די קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ.

דער בײַשפיל פון די וואַרשעווער געטאָקעמפערס האָט אויך באַגײַסטערט די ייִדישע פאַרטיזאַנערס אין די ביאַליסטאָקער און לובלינער וועלדער. אומעטום איז ממשיך געוואָרן דער קאַמף, וואָס איז אין פײַער און בלוט דערשטיקט געוואָרן דורך די פעלקערמערדערס אויף די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ.

דער בײַשפּיללאָזער געטאָ־אויפשטאַנד האָט באַגײַסטערט נישט בלויז די ייִדן. די פוילישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג בכלל האָט באַ־

קומען דורך דעם געטאָקאַמף נאָך איין שטאַרקן סטימול צו ווײַטערדיקע, נאָך מער אויפגעשטיגענע מעשים. די פּוילישע אַנטיפאַשיסטישע דעמאָקראַטיש־פּאַטריאָטישע אונטערערדישע פּרעסע האָט בײַ די פאַרשידנסטע געלעגנהייטן אַרויסגערוקט דעם געטאָ־אויפשטאַנד ווי אַ מוסטער, ווי אַ לערע, ווי אַזוי יעדער פּאַטריאָט, אויך דער פּוילישער, דאַרף האַנדלען אין אָנבליק פון די גרעסטע געפאַרן, אין אָנבליק פון די נײַע אויפגאַבעס.

אין משך פון דעם גאַנצן פאַרלויף פונעם געטאָ־אויפשטאַנד האָט די פאָלקסגוואַרדיע אָרגאַניזירט און דורכגעפירט פאַרשידענע קאַמפּאַקציעס אין וואַרשע און אין אַנדערע געגנטן פון לאַנד. חוץ די אַקציעס, וועלכע זענען געווען דירעקט פאַרבונדן מיט טראָגן הילף דעם געטאָ ,האָט די פאָלקסגוואַרדיע רעאַליזירט נאָך אַ ריי נקמה־אַקטן, ווי די באַוואָפנטע אָנפאַלן אויף היטלערישע לאָקאַלן און טראַמווײַען דעם 11טן יוני 1943, ווי דער גראַנאַטן־אָנגריף אויף אַ מאַרשירנדיקער קאָלאָנע פון ס״א־לײַט אויף ראָג ווילטשע און אויאַזדאָווער אַלייען דעם 15טן יולי 1943 (דער עס־עס־ און פּאָליציי־פירער סטראָאָפּ האָט אַלס ענטפער געהייסן דערשיסן הונדערט פּוילישע ערבות־לײַט), ווי די גרויסע סאַבאָטאַזש־אַקציעס פון דער זוו״מ־יוגנט*) אויף דער סטאַנציע מיענדזילעשיע הינטער וואַרשע (דעם 8טן דעצעמבער 1943) און אויף דער באַנליניע וואַרשע־לובלין (דעם 18טן דעצעמבער 1943) און נאָך און נאָך.

די פּוילישע אַנטיפאַשיסטיש־פּאַטריאָטישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג אונטער דער אָנפירונג פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי האָט כסדר, אויף טריט און שריט, אונטערגעשטראָכן דעם היסטאָרישן באַטײַט פונעם געטאָ־אויפשטאַנד, בײַ יעדער געלעגנהייט מיט יראת־הכבוד דערמאָנט דעם הייליקן אָנדענק פון די קעמפערס און מאַרטירערס פון וואַרשעווער געטאָ.

אויף דער היסטאָרישער זיצונג אין דער נאַכט פון 31טן דעצעמבער 1943 אויפן 1טן יאַנואַר 1944, ווען עס איז אין אַ קאָנספּיראַטיווער דירה אויף טוואַרדע־גאַס אונטער דעם פאָרזיץ פון באָלעסלאַוו ביערוט פאָרגעקומען די גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דעם נאַציאָנאַלן לאַנדראַט קר״נ — פון אָט דער נײַער פאָרעם פון דער אַרבעטער־פּויערישער מאַכט — האָט צוזאַמען מיטן אומשטערבלעכן גײַסט פון די טויזנטער געפאַלענע פּוילישע פרײַהייטס־קעמפערס געאָטעמט איבער די אָנוועזנדיקע אויך די הייליקע דערמאָנונג פון די אומפאַרגעסלעכע אויפשטענדלערס פון וואַרשעווער געטאָ.

אין אויגוסט 1944 האָט אויף די פּאָזיציעס פון אַלטשטאָט, אָרעם בײַ אָרעם מיט דער העלדישער פאָלקסגוואַרדיע געקעמפט ווי אירער אַן אָרגאַנישער טייל די לעצטע גרופּע פון „זשאָב״. דער טראַגישער אויפשטאַנד, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אַגענטן פון לאָנדאָן מיט אַנטיסאָוועטישע און אַנטיפּוילישע צילן, האָט זײַן רעאַקציאָנערן פּרצוף אַרויסגעוויזן אויך לגבי די קרוב צוואַנציק טויזנט ייִדן, וואָס האָבן זיך נאָך דעמאָלט אויסבאַהאַלטן אין פאַרשידענע ערטער אין וואַרשע. צוזאַמען מיט די היטלערישע חיות, אין איינעם מיט די בלוטדאָרשטיקע וולאַסאָוו־לײַט, האָבן רעאַקציאָנערע אָפּטיילונגען פון א״ק געמאָרדעט די לעצטע ייִדן, צווישן אַנדערע די גריכישע ייִדן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון דער פּאַוויאַק־תפיסה און געוואָלט צושטיין צום אויפשטאַנד.

די פאָלקסגוואַרדיע האָט אין יענע גרויליקע טעג געראַטעוועט ייִדן ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט. זי האָט אַפילו געשוינט די ייִדישע קעמפערס אויף די פּאָזיציעס פון אַלטשטאָט, אַרויסגייענדיק פון שטאַנדפּונקט אַז אָט די איינציקע און זעלטענע דירעקטע עדות פון דער געטאָ־טראַגעדיע און פונעם געטאָ־אויפשטאַנד טאָר מען נישט שיקן אויפן ערשטן פײַער, כדי עס זאָלן בלײַבן לעבן די איינציקע עדות וואָס וועלן דאַרפן נאָך דער באַפרײַונג זײַן די אויטענטישע באַשולדיקערס קעגן דעם פעלקערמערדערישן היטלעריזם, און די טרעגערס פון די ידיעות וועגן דעם וווּנדערלעכן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

אָט אַזוי האָט זיך איבער בונקערס און וועלדער, איבער באַריקאַדן און אָקאָפּעס, איבער פאַבריקן און פעלדער געטראָגן די לעבעדיקע טראַדיציע פונעם וואַרשעווער געטאָקאַמף. די בשורה האָט זיך איבערגעטראָגן ווײַט איבער די גרענעצן פון אָקופּירטן פּוילן, איבער דער פראָנטליניע, דערגרייכט צו דער שארית־הפליטה פון די פּוילישע ייִדן אין ראַטן־פאַרבאַנד, אויפגענומען געוואָרן מיט אָנערקענונג און ברידערלעכע געפילן דורכן סאָוועטישן מענטש. דער גרוס פונעם געטאָקאַמף האָט געפונען אַן אויסדרוק אין דער סאָוועטישער פּרעסע, אויף מאַסן־פאַרזאַמלונגען אין מאָסקווע און אַנדערע שטעט פון גרויסן ראַטן־פאַרבאַנד.

די בשורה פונעם אויסערגעוויינלעכן אויפשטאַנד איז מיט אָפענע הערצער אויפגענומען געוואָרן דורך די פרײַשיסערס פון דער פראַנצויזישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, האָט אַרויסגערופן באַגײַסטערונג צווישן די ייִדישע מאַסן און בײַ אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן אין די אַמעריקאַנישע און מערב־אייראָפּעיִשע לענדער, בײַ די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין ישראל.

„דער העלדישער ווידערשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ דויערט שוין חדשים — האָט געשריבן אינעם נומער פון 20טן מײַ דער אָרגאַן פון דער פאָלקסגוואַרדיע „גוואַרדזשיסטאַ״. — דאָס איז דער גרעסטער און צום לענגסטן דויערנדיקער אַקט פון באַוואָפנטן ווידערשטאַנד אויף די אָקופּירטע געביטן... די ייִדישע באַפעלקערונג רופט הײַנט מיט איר ווידערשטאַנד אַרויס די באַוווּנדערונג פון דער וועלט. די ייִדישע קעמפערס האָבן אויפגעהויבן איבער איינעם פון די הײַזער, וואָס האָבן זיך פאַרטיידיקט, די ווײַס־רויטע פאָן. דאָס איז אַ סימבאָל, אַז אונדזער קאַמף איז אַ געמיינזאַמער. די העלדישע קעמפערס פון וואַרשעווער געטאָ וועלן איבערגיין אין דער געשיכטע פון די באַפרײַונגס־קאַמפן ווי אַ מוסטער פון שרעקלאָזן מוט און דרייסטקייט״.

אָט וואָס פאַר אַ הויכע אָפּשאַצונג דער געטאָ־אויפשטאַנד האָט באַקומען אין דעם הויפּטאָרגאַן פון קעמפנדיקן פּוילן.

„דער ביולעטין פון דעם דאָזיקן קאַמף — האָט געשריבן אַ צווייטע פּוילישע דעמאָקראַטישע אונטערערדישע צײַטונג — דאַרף ווערן איבערגעלייענט אויפן פראָנט פון דער קעמפנדיקער מענטשהייט״.

דער אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ איז אַרײַן אין פּאַנטעאָן פון די געראַנגלען פון ייִדישן פאָלק פאַר „אײַער און אונדזער פרײַהייט״.

דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז אַרײַנגענומען געוואָרן אין גאָלדענעם פאָנד פון דער קאַמף־טראַדיציע פון פּוילישן פאָלק פאַר סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער באַפרײַונג. אין זײַן פּראָגראַם־רעפעראַט אויפן פאַראייניקונגס־קאָנגרעס פון דער פּוילישער פאַראייניקטער אַרבעטער־פּאַרטיי דעם 15טן דעצעמבער 1948 האָט באָלעסלאַוו ביערוט, רעדנדיק וועגן די טראַדיציעס פון דער פּוי־

---

*) זוו״מ — „זוויאָנזעק וואַלקי מלאָדיך״ — פאַרבאַנד פון יוגנטקאַמף.

לישער אַרבעטער־באַוועגונג, אונטערגעשטראָכן די העלדישקייט פֿון קעמפֿנדיקן געטאָ און די וואָפֿן־ברודערשאַפֿט פֿון דער פֿאָלקס־גוואַרדיע מיט די געטאָקעמפֿערס.

שרײַבנדיק וועגן דער געשיכטע פֿון פּפּ״ר, האָט דער שעף פֿונעם הויפּטשטאַב פֿון דער פֿאָלקסגוואַרדיע פֿראַנציִשעק יוזשוויאַק מיט שטאַרקע ברידערלעכע ווערטער אָפּגעשאַצט די ווידערשטאַנד־באַוועגונג און דעם אויפֿשטאַנד פֿון וואַרשעווער געטאָ.

רעדנדיק וועגן די קאַמף־טראַדיציעס פֿון נײַעם פּוילישן מיליטער פֿון דער פּוילישער פֿאָלקס־רעפּובליק, האָט דער סעקרעטאַר פֿון צ״ק פֿון פּזפּ״ר עדוואַרד אָכאַב באַטאָנט דעם באַטײַט פֿון דעם געטאָ־אויפֿשטאַנד פֿאַר אָט די טראַדיציעס און פֿאַר דער דערציִונג פֿון נײַעם טיפּ פּוילישן פֿאָלקישן שלאַכטמאַן.

די סאָוועטישע היסטאָריאָגראַפֿיע האָט געגעבן אַ הויכע אָפּשאַצונג דעם אויפֿשטאַנד פֿון וואַרשעווער געטאָ. אַ כאַראַקטעריסטישן אויסדרוק פֿון אָט דער אָפּשאַצונג ברענגט די נײַע סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע (יאָר 1951, זיבעטער באַנד, אַרטיקל „וואַרשע”, זײַט 16): „אין יאַנואַר 1942 איז אין די באַדינגונגען פֿון אונטערערד געשאַפֿן געוואָרן דורך קאָמוניסטן די פּוילישע אַרבעטער־פּאַרטיי. אין אַפּריל־מײַ 1943 איז פֿאָרגעקומען דער אויפֿשטאַנד פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון יִדישן געטאָ, וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן אין וואַרשע דורך די היטלעריסטן. דער אויפֿשטאַנד האָט מיטגעווירקט צו דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿונעם קאַמף פֿון פּוילישן פֿאָלק קעגן אָקופּאַנט און קעגן די פֿאַרבונדענע מיט אים כּוחות פֿון דער פּוילישער רעאַקציע.”

די פּוילישע פֿאָלקס־רעפּובליק האָט באַערט דעם הייליקן אָנדענק פֿון די געטאָ־אויפֿשטענדלערס מיט הויכע מלוכה־אויסצייכענונגען פֿאַר די געפֿאַלענע העלדן, פֿאַר יוסף לעוואַרטאָווסקי, מרדכי אַניעלעוויטש, אַנדזשעי שמיט, יוסף קאַפּלאַן, מיכאַל ראָזענפֿעלד, אַדאַם מערעטיק, אפֿרים און ליובע פֿאָנדאַמינסקי, הערש בערלינסקי, אברהם בלום, אריה ווילנער, שמואל ברעסלער, זכריה אַרטשטיין, שנאָן לענט, לוטעק ראָטבלאַט און אַ סך אַנדערע. אויף דעם אויסגעברענטן באָדן פֿון געטאָ, דאָרטן וווּ עס איז אויסגעבראָכן איינער פֿון די ערשטע קאַמפֿן, איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן אַ פּרעכטיקער דענקמאָל צום אייביקן אָנדענק פֿון די אויפֿשטענדלערס 2). צענדליקער גאַסן, קאָאָפּעראַטיוון, קלובן, שולן, ביבליאָטעקן, יִדישע און פּוילישע, זענען אָנגערופֿן געוואָרן אויף די נעמען פֿון די העלדן. אויך די יִדישע פּראָגרעסיווע מאַסן אין אויסלאַנד האָבן אויף פֿאַרשידענע אופֿנים באַערט און פֿאַראייביקט דאָס געדעכעניש פֿון אונדזערע העלדישע ברידער, וואָס זענען געפֿאַלן אין אומגלײַכן קאַמף.

לדורות וועט בלײַבן טיף אײַנגעקריצט אין הערצער פֿון מיליאָנען דער אָנדענק פֿון די, וואָס האָבן גענומען אויף זיך דעם אומגלײַכן קאַמף מיטן דעמאָלט נאָך מעכטיקן שונא.

דאָס איז נישט קיין טויטער קולט פֿון אייביק אַוועקגעגאַנגענע העראָסן. דאָס איז אַ לעבעדיקער פֿאַקל, וועלכער באַשײַנט דעם וועג פֿאָרויס פֿאַר מיליאָנען יִדן און נישט־יִדן, וואָס שטייען אין האַרטנעקיקן קאַמף פֿאַר שלום צווישן פֿעלקער, פֿאַר פֿעלקערפֿרײַנדשאַפֿט, פֿאַר אומאָפּהענגיקייט, אין קאַמף קעגן די וואָס ווילן איבערנעמען די באַנקראָטירטע ירושה פֿון די היטלערישע מחבלים און אויף ס'נײַ אויפֿבושעווען אַ וועלט־שחיטה.

דעריבער זענען עולה־רגל אויפֿן נאָמענלאָזן קבר פֿון דורך דעם פֿעלקערמערדערישן פֿאַשיזם אומגעבראַכטן פֿאָלק, צום דענקמאָל פֿון די געטאָ־אויפֿשטענדלערס און צום מוזיי פֿון יִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט, טויזנטער ערלעכע מענטשן אָן אונטערשיד פֿון נאַציאָנאַליטעט, שפּראַך, קאָליר פֿון הויט — יִדן, פּאָליאַקן, סאָוועטישע מענטשן, טשעכן ,בולגאַרן, רומענער, כינעזער, קאָרעאַנער ,אַמעריקאַנער, פֿראַנצויזן ,איטאַליענער, אירלענדער, אויסטראַליער, איראַנער, נעגער, פֿאָרשטייערס פֿון דער דעמאָקראַטישער דײַטשער רעפּובליק. אַלע קומען זיי אָפּגעבן כּבֿוד די אומגעקומענע געטאָ־אויפֿשטענדלערס און אַלע לייגן זיי בײַ אַ פֿײַערלעכע שבֿועה: הייליקן דעם אָנדענק פֿון די געפֿאַלענע העלדן דורך דעצידירטן געראַנגל פֿאַר שלום און פֿאַר אויסבויען אַ נײַע וועלט אָן ראַסנהאַס, אָן אַנטיסעמיטיזם, אָן דערנידעריקונג פֿון מענטשן, אָן עקספּלואַטאַציע פֿון קלאַס דורך קלאַס, אַ וועלט, וווּ אַלע פֿעלקער — גרויסע און קליינע — וועלן זיך קענען אויסלעבן פֿרײַ און אין האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט.

דאָס איז געווען דער טיפֿסטער באַגער פֿון די העלדישע אויפֿשטענדלערס פֿון וואַרשעווער געטאָ, דער שטאַרקסטער ווילן פֿון טויזנטער העלדן פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער, וואָס האָבן געשטרעקט זייער לעבן פֿאַר די שענסטע אידעאַלן פֿון דער מענטשהייט.

דערמיט וועלן מיר דערפֿילן די צוואה וואָס די לעצטע פּאַרטיידיקערס פֿון די אונטערגייענדיקע יִדן אין וואַרשעווער געטאָ האָבן אונדז איבערגעלאָזט.

מען קאָן נישט פֿאַרענדיקן דעם דאָזיקן איבערזיכט און נישט ווידמענען אַ פּאָר ווערטער דער פּראָבלעם: פֿאַרברעכן און שטראָף פֿון די היטלעריסטישע פֿעלקערמערדערס און זייערע שותּפֿים, וואָס טראָגן די הויפּט־פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן אויסראָטן דעם גרויסן יִדישן קיבוץ פֿון וואַרשע און פֿאַר דערשטיקן מיט די סאַמע בעסטיאַלישע מעטאָדן דעם אויפֿשטאַנד.

מיט אַ שענדלעכן, פֿאַרדינטן טויט האָבן זייער פֿאַרברעכערישע לעבן פֿאַרענדיקט די נאַציסטישע רוצחים וואָס זענען אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט פֿון דער שטרענגער גערעכטיקייט פֿון דער פּוילישער פֿאָלקס־רעפּובליק: דער גובערנאַטאָר פֿון וואַרשעווער דיסטריקט לודוויק פֿישער, דער עס־עס־ און פּאָליציי־גענעראַל יורגען סטראָאָפּ און דער עס־עס־אָבערשטורמפֿירער פֿראַנץ קאָנראַד; די דאָזיקע מלחמה־פֿאַרברעכערס און הענקערס פֿון דער יִדישער און פּוילישער באַפֿעלקערונג אין וואַרשע זענען פֿאַרמישפּט געוואָרן צום טויט דורכן פּוילישן פֿאָלקס־טריבונאַל. די עפֿנטלעכע פּראָצעסן איבער זיי זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין צאָרנדיקן משפּט איבערן היטלעריסטישן ראַסנהאַס און אין מאַניפֿעסטאַציעס פֿון סאָלידאַריטעט מיט די קעמפֿערס און מאַרטירערס פֿון וואַרשעווער געטאָ, מיטן שווער־געפּרוּווטן יִדישן פֿאָלק.

די גערעכטיקע האַנט פֿון דער פּוילישער פֿאָלקסיוסטיץ האָט אויך דערגרייכט אַ ריי קלענערע פֿאַרברעכנס און יִדנמערדערס פֿון וואַרשעווער געביט, ווי למשל דעם טראַווניק־מאַן סאָוואַר, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער וואַכקייט אַרום דעם ברענענדיקן געטאָ. מיט לעבנסלענגלעכער תּפֿיסה האָט די פֿאָלקס־גערעכטיקייט באַצאָלט דעם דאָזיקן פֿאַשיסט פֿאַר זײַן „קליינער” מיטבאַטייליקונג אין דער „גרויסער אַקציע”.

---

2) מחבר פֿונעם דענקמאָל איז דער סקולפּטאָר נתן ראַפּאָפּאָרט.

די גערעכטיקע האַנט פון דער פּוילישער פאָלקסיוסטיץ האָט אויך דערגרייכט דעם פאַררעטער וואָס האָט אויסגעגעבן דאָס אָפּרואַרט פון די פּאַרטיזאַנערס פון דער „אַניעלעוויטש”־אָפּטיילונג אין וואַלד, דעם פאַרברעכערישן וואַלדוועכטער יאַן באָבראָווסקי. דער רענעגאַט פון פּוילישן פאָלק און מוסר איז פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט.

פּונקט אַזוי וואָלט אונדזער פאָלקסיוסטיץ אויסגעמאָסטן די פולע מידת־הדין דעם גענעראַל פון דעם רײַכסווער־גאַרניזאָן אין וואַרשע ראָסום, דעם פּאָליציי־שעף פון דער גענעראַל־גובערניע קריגער, דעם געסטאַפּאָ־ממונה איבער געטאָ בראַנד, דעם פעלקערמערדער העפלע, דעם פאַבריקאַנט און פאַרטרויונג־מאַן פון עס־עס טעבענס, דעם געטאָ־קאָמיסאַר אַוערסוואַלד, דעם שעף פון סטראָאָפּס שטאַב יעזויִטער ,דעם אַדיוטאַנט פון עס־עס־ און פּאָליציי־גענעראַל קאַלעסקי און אַלע אַנדערע גרעסערע און קלענערע מיטפאַרברעכערס פון דעם מאָרד איבער אַ פאָלק.

אָבער גענעראַל ראָסום איז דורך דער רעאַקציאָנערער פראַנצויזישער רעגירונג באַפרײַט געוואָרן פון תּפיסה; ער געניסט פון פרײַהייט אונטער די פליגל פון די אַמעריקאַניש־אימפּעריאַליסטישע אַפּוטראָפּסים פונעם נעאָנאַציזם; מסתּמא גרייט ער זיך שוין ווידער צו נײַע פעלקער־שחיטות.

אָבער דער עס־עס גענעראַל קריגער דרייט זיך ערגעץ אַרום אין די לענדער פון אַטלאַנטישן פּאַקט און געניסט פון זייער פאַרשוועכנדיקער „רעהאַביליטאַציע” פון דער עס־עס וואָס קומט פאָר אין מערבֿ־דײַטשלאַנד.

אָבער דער בלוטיקער בראַנד און זײַן בוזעמפרײַנד טעבענס זענען געבליבן שטראָפלאָז אין אַמעריקאַניזירטן טייל פון עסטרײַך. ווען מ'האָט דעם שקלאַפן־באַזיצער טעבענס געכאַפּט און געפירט קיין פּוילן, צו שטעלן פאַר אַ געריכט, האָבן די אַגענטן פון די מערבדיקע אימפּעריאַליסטן אַרויסגעראַטעוועט דעם פעלקערמערדער. דערווײַל האָבן בראַנד און טעבענס זיך אַרויסגעדרייט פון אונדזערע שטראָפנדיקע הענט. אָבער דער בלוטיקער העפלע זיצט זיך רויִק אין זאַלצבורג אונטער די שוצפליגל פון די אַנגלאָ־זאַקסישע אָקופּאַנטן.

אָבער אַוערסוואַלד און יעזויִטער און קאַלעסקי און די אַנדערע האָבן אַ מקום־מקלט געפונען בײַ די זעלביקע, וועלכע האָבן אין די גרויזאַמע חדשים פון 1942 און 1943 פאַרשטאָפּט זייערע אויערן אויפן ווייגעשריי פון אונטערגייענדיקן געטאָ און שטילשווײַגנדיק מסכּים געווען צום פאַרברעכן.

מען דאַרף זיי, ווײַזט אויס, נאָך האָבן, אָט די דערפאַרענע פּײַניקערס און רוצחים. אָבער מיר גלייבן אַז פריִער צי שפּעטער — זייער סוף וועט זײַן אויפן אייניציקן אָרט וואָס זיי האָבן פאַרדינט — אויף דער תּליה.

* * *

די פּראָגרעסיווע מענטשן און דער גאַנצער וועלט בייגן זייערע קעפּ פאַרן הייליקן אָנדענק פון די קעמפפערס און מאַרטירערס פון וואַרשעווער געטאָ. אָבער עס זענען פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס פאַרשוועכן דעם זכרון פון די קדושים דורך געבן אַ הכשר פון דעמאָקראַטישקייט די מערדערס פון ייִדישן און אַנדערע פעלקער, די נעאָנאַציס פון באָן. עס זענען פאַראַן אַזעלכע — און צווישן זיי די ייִדישע רעאַקציע פון אַמעריקע און ישראל — וואָס הייבן אויף זייערע פאַררעטערישע הענט אויפן לעבן פון די סאָוועטישע פעלקער וועלכע זענען געווען די אייניציקע וואָס האָבן בעת דער שטאָקפינצטערער נאַכט געשיקט זייערע פליִער־סאָקאָלן צו נעמען נקמה פאַרן פעלקערמאָרד אין געטאָ; די דאָזיקע יורשים פון יודענראַט פאַרשוועכן דעם אָנדענק פון די געטאָקעמפפערס. דער געטאָ־אויפשטאַנד איז געווען אַ קאַמף נישט בלויז קעגן היטלעריסטישן רוצח און קעגן דער פּוילישער אַנטיסעמיטישער רעאַקציע, נאָר אויך קעגן דעם ייִדישן פאַרראַט, קעגן דעם יודענראַט און די נאַסיגס און די פּירשטס. אין דעם באַשטייט די היסטאָרישע לערע פון דעם אַקט פון 19טן אַפּריל פאַר די הײַנטיקע און קומענדיקע דורות.

וואַרשע, אָקטאָבער 1951—1952

ט. בורסטין — בערנשטיין (וואַרשע)

גירושים און פאַרניכטונגען פון יידישע יישובים אין וואַרשעווער דיסטריקט

אויף די שטחים פון וואַרשעווער דיסטריקט וואָס איז געווען אַן אַדמיניסטראַטיווער ראַיאָן, געשאַפן דורכן היטלעריסטישן אָקופּאַנט — האָבן געוווינט ערב דער לעצטער מלחמה אַן ערך 600.000 יִדן. בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע איז טראָץ דעם מענטשן־פאַרלוסט וואָס עס האָבן גורם געווען די מלחמה־אָקופּאַציעס אין סעפּטעמבער 1939, און טראָץ דעם וואָס אַ געוויסער טייל פון דער יִדישער באַפעלקערונג האָט זיך איבערגעטראָגן אויף די געביטן וועלכע זענען באַפרײַט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי, געוואַקסן די צאָל יִדן אין וואַרשעווער דיסטריקט. דער פאַרלוסט איז אויסגעגלײַכט געוואָרן און אַפילו איבערגעשטיגן געוואָרן דורכן נײַעם צופלוס פון יִדן פון די מערבדיקע און צפונדיקע פוילישע געביטן, וואָס זענען אײַנגעגלידערט געוואָרן אין רײַך. העכער 600.000 יִדן האָבן באַוווינט דעם דיסטריקט אין דער ערשטער העלפט 1940, דערפון האָבן זיך קרוב 400.000 געפונען אין וואַרשע גופא.

אַדמיניסטראַטיוו האָט דער וואַרשעווער דיסטריקט אַרומגענומען נאָר אַ טייל פון דער הײַנטיקער וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט. די פּאָוויאַטן וואָס זענען געלעגן אויף צפון פון וואַרשע האָט די אָקופּאַציע־מאַכט פאַראייניקט צום רײַך, מערסטן טייל צו אָסט־פּרײַסן; דעם גאָסטינינער פּאָוויאַט — צום וואַרטעגאַו. צען צפונדיקע פּאָוויאַטן פון וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט (די פּאָוויאַטן: טשכאַנאָוו, מאַקאָוו, מלאַווע, אָסטראָלענקע, פּלאָצק, פּלאָנסק, פּשאַסניש, פּולטוסק אָן דעם שטעטל ווישקאָוו, שעריץ) און דער צפון־טייל פון וואַרשעווער פּאָוויאַט (נאָווידוואָר, זאַקראָטשים) האָבן געשאַפן אַ באַזונדערן אַדמיניסטראַטיוון ראַיאָן — דעם קרײַז „ציכאַנאַו״ (טשעכאַנאָוו), וואָס האָט געהערט צו מיזרח־פּרײַסן. דער פּאָוויאַט דשיאַלדאָווא איז צעטיילט געוואָרן אויף צוויי טיילן, פון וועלכע איינער האָט געהערט צום קרײַז אָלענשטיין אין מיזרח־פּרײַסן, דער צווייטער צום רײַכסגאַו דאַנציג, אויך מיזרח־פּרײַסן.

צום וואַרשעווער דיסטריקט האָבן אַזוי אַרום געהערט די ווײַטערדיקע פּאָוויאַטן פון דער הײַנטיקער וואַרשעווער וואָיעוואָדשאַפט: בלאָניע, גאַרוואָלין, גריצע, מינסק, אָסטראָוו, ראַדזין, סאָכאַטשעוו, סאָקאָלאָוו ,וואַרשע, ווענגראָוו; אַחוץ דעם דער פּאָוויאַט שעדלעץ פון לובלינער וואָיעוואָדשאַפט, אַ קליינער טייל פון פּאָוויאַט לוקאָוו מיט דער שטאָט סטאָטשעק לוקאָווסקי, און די פּאָוויאַטן לויוויטש און סקיערניעוויץ פון דער הײַנטיקער לאָדזשער וואָיעוואָדשאַפט.

פון די אויסגערעכנטע דרײַצן פּאָוויאַטן האָט דער אָקופּאַנט געשאַפן 10 קרײַז־הויפּמאַנשאַפטן (קרײַזן). אויף מערב פון דער ווײַסל האָבן זיך געפונען 4 קרײַזן: גריצער, לויוויטשער, סקיערניעוויצער און סאָכאַטשעוו־בלאָניער.

פון דעם אַ ביסל אַרומגעשניטענעם וואַרשעווער פּאָוויאַט, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף ביידע זײַטן ווײַסל, צוזאַמען מיטן ראַדזימינער פּאָוויאַט האָט מען געשאַפן דעם קרײַז וואַרשע־לאַנד. די איבעריקע מיזרחדיקע קרײַזן זענען געווען דער גאַרוואָלינער, מינסקער, אָסטראָווער, שעדלעצער און סאָקאָלאָוו־ווענגראָווער.

די אויבן דערמאָנטע שטאָט סטאָטשעק־לוקאָווסק איז פאַראייניקט געוואָרן מיטן קרײַז גאַרוואָלין און די שטאָט ווישקאָוו מיטן קרײַז אָסטראָוו־מאַזאָוויעצק.

פון אָסטראָווער קרײַז ,וואָס ליגט בײַם בוג, האָבן די היטלעריסטן אַרויסגעטריבן די יִדן גלײַך אין די ערשטע חדשים פון דער אָקופּאַציע. די מערהייט פון דער דאָרטיקער יִדישער באַפעלקערונג איז אַוועק אין ראַטן־פאַרבאַנד. פון ווישקאָוו האָט מען אַרויסגעטריבן די יִדן שוין אין סעפּטעמבער 1939, נאָכן נאַצישן אַרײַנדרינגען אין שטאָט. די ווישקאָווער שול איז אונטערגעצונדן געוואָרן ,די זקנים אויסגעשאָסן. אויך די יִדן פון בראָק האָט מען אַרויסגעטריבן אין סעפּטעמבער 1939.

אין אָסטראָוו גופא זענען געבליבן אַן ערך 500 יִדן, צווישן זיי אַ סך זקנים און קראַנקע. תחילת נאָוועמבער, ווען עס איז אויסגעבראָכן אַ שרפה אין אָסטראָוו ,האָט מען אויסגעשאָסן אַלע יִדן, מיטן אויסרייד, אַז זיי האָבן אונטערגעצונדן די שטאָט.

די יִדישע באַפעלקערונג פון די פוילישע געביטן, וואָס זענען פאַראייניקט געוואָרן צום רײַך ,איז אין אַ גרויסער צאָל געפלאָסן אין וואַרשעווער דיסטריקט אַרײַן אין משך פון די לעצטע חדשים 1939 און אין די ערשטע חדשים 1940. זיי זענען איבערגעזידלט געוואָרן מאַסנווײַז אין דער גענעראַל־גובערניע אין צוזאַמענהאַנג מיט הימלערס פאַראָרדענונג פון 30טן אָקטאָבער 1939 וועגן באַזײַטיקן אַלע יִדן פון די געביטן וואָס זענען פאַראייניקט געוואָרן צום רײַך. די צאָל פון דער יִדישער באַפעלקערונג אין באַזונדערע קיבוצים פון וואַרשעווער דיסטריקט האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן אָבער די חרובע און אויסגעברענטע שטעטלעך, וואָס האָבן געליטן

צוליב די מלחמה־אָפּעראַציעס, האָבן פאַרמאָגט ווייניקער יִדן ווי פאַר דער מלחמה. די נשרפים, וועלכע האָבן געפונען אַ געוויסע צייַט אַ מקום־מקלט אין די שכנותדיקע יִשובים אָדער דערפער האָבן זיך נאָך אַ געוויסער צייַט צוריקגעקערט אין אייגענע חורבות.

אָנהייבנדיק פון יאָר 1940 טרעט צו די היטלעריסטישע מאַכט צו קאָנצענטרירן די יִדן אין געטאָס אין די מערבדיקע טיילן פון וואַרשעווער דיסטריקט. אין די מיזרח־טיילן פון דיסטריקט קומט פאָר דער פּראָצעס כמעט מיט אָנדערטהאַלבן יאָר שפּעטער — אין האַרבסט 1941. סוף 1940 זענען געשאַפן געוואָרן אין וואַרשעווער קרייַז עטלעכע געטאָס אויף די אומבאַוווינטע געביטן אָדער אין די דאַטשעערטער און עס זענען דאָרט קאָנצענטרירט געוואָרן די יִדן פון עטלעכע קהילות. אַזעלכע געטאָס זענען געשאַפן געוואָרן אויף מערב פון דער ווייַסל אין פּאָרט סאָליפּסע, לעבן וולאָכי, אין דער נישט־טעטיקער ציגעלניע הענריקאָוו־אָשינסקי, אין לודווישין, לעבן לעגיאָנאָווע, און אין סאָסנוּווקע, לעבן וואָלאָמין.

די יִדישע באַפעלקערונג וואָס האָט באַוווינט די מערבדיקע טיילן פון וואַרשעווער דיסטריקט איז אין די ערשטע חדשים פון 1941 געוואָרן איבערגעזידלט קיין וואַרשע. אויף די געביטן, וואָס זענען געלעגן אויף מערב פון דער ווייַסל אין וואַרשעווער דיסטריקט, האָט מען געזאָלט אַריבערפירן די אַרויסגעטריבענע פּאָליאַקן פון די פּוילישע געביטן וואָס זענען פאַראייניקט געוואָרן צום רייַך. פון די מערבדיקע קרייַזן פון וואַרשעווער דיסטריקט: סאָכאַטשעוו־בלוינע, גריצע, סקערניעוויץ, לויוויטש און אַ טייל וואַרשעווער קרייַז האָבן די יִדן געמוזט אַוועק אין משך פון דער צייַט צווישן סוף יאַנואַר און אָנהייב אַפּריל 1941. די פאַראָרדענונג איז געווען אַ שווערער קלאַפּ פאַר 72 טויזנט יִדן, וועלכע די היטלעריסטישע מאַכט האָט אַרייַנגעשטופּט אין די ענגע מויערן פון איבערגעפּולטן וואַרשעווער געטאָ. אַ קליינער טייל פון די יִדן האָט זיך איבערגעטראָגן אין דעם שכנותדיקן ראַדאָמער דיסטריקט אָדער אין אַנדערע ערטער פון וואַרשעווער דיסטריקט. אָבער אַ סך פון די פּליטים זענען דערנאָך אויך צוריקגעשיקט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ אַרייַן.

אין וואַרשעווער געטאָ האָט די גרעסטע מערהייט פון די איבערגעזידלטע נישט געפונען קיין באַדינגונגען אויפצוהאַלטן כאָטשבי די קלאָגנדיקסטע עקסיסטענץ. דער הונגער און די עפּידעמישע קראַנקהייטן האָבן כסדר אומגעברענגט די אייַנוווינערס פון די פּליטים־פּונקטן.

שאַפנדיק דאָס וואַרשעווער געטאָ, איזאָלירנדיק עס מיט מויערן פון דער אויסערלעכער וועלט, פּלאַנירנדיק אומגלייבלעך קליינע פּראָדוקטן־פּאָרציעס, האָט דער היטלעריסטישער אָקופּאַנט פאַראורטיילט די געטאָ־אייַנוווינערס אויף הונגער און עפּידעמיעס, אויף אַן אומדערהערטער שטערבלעכקייט, וועלכע איז אַפילו דערגאַנגען ביז העכער 5 טויזנט טויטפאַלן אַ חודש.

פרילינג 1941 האָבן אומלעגאַל פאַרלאָזן דאָס וואַרשעווער געטאָ איינצלנע פּערזאָנען און אָפט אויך גאַנצע פאַמיליעס, וואָס האָבן שרעקלעך געליטן פון הונגער. זיי האָבן זיך געלאָזט צו פוס פון וואַרשע אין דער פּראָווינץ אַרייַן, אין דער ריכטונג אויף מיזרח און אויף דרום, מערטן טייל צום לובלינער קאַנט. די יודענראַטן פון די באַזונדערע שטעט סיגנאַליזירן וועגן די פאַקטן צו דער יִדישער סאָציאַלער אַליינהילף, ווייַל זיי מוזן זיך מיט די דורכוואַנדערערס אינטערעסירן, געבן זיי עסן און נאַכטלעגערס למשל פון אַזאַ יִשוב ווי צעגלאָוו, מינסק־מאַזאָוויעצקער קרייַז, אַ קהילה וואָס האָט געציילט הונדערט און עטלעכע צענדליק יִדן, שרייַבט מען דעם 14טן מייַ 1941: „מיר זענען געצוווּנגען אונדזער אָרעמקייט לאָזן אויפן צווייטן פּלאַן, ווייַל די לאַגע פון די דורכוואַנדערערס, זייער אויסערלעכער אויסזען און דערשעפּטקייט, זענען נישט צו באַשרייַבן. מיר מוזן אַזעלכע פאַרהאַלטן בייַ אונדז מינדסטנס 24 שעה. עס טרעפן אויך פאַקטן, וואָס די דורכוואַנדערערס ווערן קראַנק און ליגן בייַ אונדז אָפּ גאַנצע וואָכן". די דעלעגאַטור פון דער יִדישער סאָציאַלער אַליינהילף (זשס"ס) אין זשעלעכאָוו קלאָגט זיך דעם 14טן מייַ 1941, אַז זי איז אויסגעשטעלט אויף אויסגאַבעס פאַר די גרויסע מאַסן דורכוואַנדערערס פון וואַרשע, פאַר וועלכע זשעלעכאָוו איז אַן עטאַפּ אין זייער ווייַטערדיקן וועג. פון שעדלעץ אַלאַרמירט מען דעם 17טן יוני 1941, אַז לעצטנס גייען דאָרטן אַדורך נישט ווייניקער ווי 100 מענטשן אַ טאָג. די דורכוואַנדערערס האָבן פאַרשלעפּט קיין שעדלעץ דעם טיפוס. אַ סך פון די מענטשן זענען געווען געצוווּנגען נאָך עטלעכע וואָכן צוריקצוקערן זיך קיין וואַרשע אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדיקער פיזישער און פּסיכישער צעבראָכנקייט.

אויף מיזרחדיקן טייל פון וואַרשעווער דיסטריקט האָט מען אָנגעהויבן האַרבסטצייַט 1941 איבערצוזידלען די יִדן פון די דערפער אין שטאָט אַרייַן, שטרעבנדיק צו רעדוצירן די צאָל יִדישע קיבוצים. אין יעדן פון די מיזרחדיקע קרייַזן פון וואַרשעווער דיסטריקט האָט מען איבערגעלאָזט פון 5 ביז 7 קיבוצים. די אַפּראָוויזאַציע־לאַגע אין די קיבוצים איז געווען זייער אַ שווערע, אַ סך שווערער ווי אין שכנישן לובלינער דיסטריקט, ווו דער אָקופּאַנט האָט אָנגעווענדט אַן אַנדער מעטאָד — נישט רעדוצירן די צאָל יִדישע קיבוצים, נאָר דעקאָנצענטרירן. פון דעם גובערנאַטאָרס רעזידענץ אין לובלין האָט מען אין פרילינג 1941 אַרויסגעשיקט די יִדן אין פאַרשידענע שטעטלעך און יִשובים פון לובלינער געגנט האָבן יִדן נאָך געוווינט אין האַרבסט 1942; דירעקט ערב דער „אויסזידלונג" אין די טויטלאַגערן האָט מען זיי קאָנצענטרירט אין די שטעט, כדי קענען זיי אָן שוועריקייטן אַרויסשיקן.

אין לובלינער דיסטריקט אַרייַן זענען געלאָפן די יִדן פון די נאָענטע ערטער פון וואַרשעווער דיסטריקט איינצלווייַז און אויך גרופּעסווייַז. אָט די פאַקטן האָבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער זשאַנדאַרמעריע אין לוקאָוו, וואָס האָט אין נאָוועמבער 1941 געמאָלדן דעם קרייַז־הויפּטמאַן פון ראַדזין, אַז זי האָט אַרעסטירט 39 יִדן וועלכע זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אומלעגאַל מיט אַ לאַסט־אויטאָמאָביל פון סאָקאָלאָוו קיין לוקאָוו. זי בעט דעריבער דעם קרייַז־הויפּטמאַן אָנצונעמען שריט כדי נישט צו דערלאָזן אין דער צוקונפט, אַז די יִדן זאָלן אַנטלויפן פון שכנותדיקן דיסטריקט. אָפּגעריסענע, שמוציקע און אָפט קראַנקע האָבן די יִדן פאַרשאַפט דער זשאַנדאַרמעריע גרויסע דאגות, און איבערשיקן זיי צוריק אַהיים האָט געשטערט דער מאַנגל אין טראַנספּאָרט־מיטלען. אויפן אַמטלעכן וועג האָט זיך וועגן די פאַקטן דערוווּסט ד"ר אויערסוואַלד, דער קאָמיסאַר איבערן יִדישן קוואַרטאַל אין וואַרשע, ווייַל צו זייַן קאָמפּעטענץ האָט געהערט דאָס „דערלייַדיקן" אַלע יִדישע פראַגעס אויפן געביט פון וואַרשעווער דיסטריקט. אויערסוואַלד האָט טאַקע אין יענער צייַט אַרויסגעגעבן אַ גזרה וועגן אָנווענדן טויטשטראָף פאַר פאַרלאָזן דאָס וואַרשעווער געטאָ און אַזאַ אורטייל איז טאַקע אין מיטן נאָוועמבער אויסגעפירט געוואָרן איבער 8 וואַרשעווער יִדן.

סוף 1941 האָט דער היטלעריסטישער אָקופּאַנט שוין געמאַכט דירעקטע צוגרייטונגען אויף אַדורכצופירן די פולשטענדיקע פיזישע פאַרניכטונג פון די יִדן אין דער גענעראַל־גובערניע. פרילינג

1942 איז אַרײַנגעפּאַקט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ די יִדישע באַפעלקערונג פון עטלעכע הינטערוואַרשעווער שטעטלעך (אָקוניעוו, צעכוּווקאַ, מאַרקי, וואַווער, טלושטש). עס איז אַהער אויך אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט יִדן פון רײַך, אַן ערך 4.000 מענטשן.

די דײַטשע יִדן האָט מען אײַנגעאָרדנט אין דער אַמאָליקער געבײַדע פון דער יודאַיִסטישער ביבליאָטעק, וואָס איז צו יענער צײַט געווען אויסגעטיילט פון געטאָ.

אין מײַ 1942 האָט מען אַריבערגעפירט אַלע ציגײַנערס אין וואַרשעווער געטאָ אַרײַן. אין יולי זענען אָנגעקומען 760 מענטשן פון ביאַלע־ראַווסקע און נאָווע־מיאַסטאָ. די איבערזידלונגען האָבן אָן צווייפל געהאַט אַ שײַכות מיט די צוגרײַטונגען צו דער „אויסזידלונג־אַקציע” פון יִדן אין וואַרשעווער דיסטריקט. די „אויסזידלונגס־אַקציע” אין גאַנץ פוילן זענען פאָרגעקומען לויט אַ ריי — איין דיסטריקט נאָכן צווייטן. אין יולי איז געקומען די ריי אויפן וואַרשעווער דיסטריקט. אין יעדן דיסטריקט האָט מען אָנגעהויבן די אַקציע פון דער הויפּטשטאָט, דאָרט וווּ עס האָט געוווינט דער גובערנאַטאָר.

די „אויסזידלונג־אַקציע” אין וואַרשעווער דיסטריקט האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22טן יולי 1942 און האָט געדויערט איבער 2 חדשים, ביזן 6טן אָקטאָבער 1942. געוויינלעך פלעגט אין משך פון איין טאָג אַרויסגעפירט ווערן די יִדישע באַפעלקערונג פון די קלענערע אָדער גרעסערע ישובים. אין די ווײַטערדיקע טעג פלעגט מען אַדורכזוכן אַלע ווינקעלעך און די דאָרט געפונענע מענטשן דערשיסן אויפן אָרט, אָדער זיי אַרויספירן גרופּעסווײַז אויפן בית־עולם אָדער הינטער דער שטאָט, כדי אויסצופירן די עקזעקוציע.

אין וואַרשע, אין אַ ישוב וואָס האָט געציילט אין יולי 1942 אַן ערך 370 טויזנט יִדן, האָט די „אויסזידלונג־אַקציע” געדויערט 2 חדשים (פון 22טן יולי ביזן 21טן סעפּטעמבער). די אָנפירערס פון „איינזאַץ ריינהאַרד” האָבן געניי פונאַנדערגעאַרבעט די „אַקציע” ביז צום קלענסטן דעטאַל, זיי האָבן אויך געלאָזט אין גאַנג זיכערע מיטלען פון פּסיכישער ווירקונג, זיי האָבן אָנגעווענדט טעראָר, פונאַנדערגעשפּרייט פאַלשע קלאַנגען, געגעבן ליגנערישע הבטחות און פאַרזיכערונגען, אַרײַנגעפירט וואָס אַ גרעסערע צעמישונג און דעזאָריענטאַציע, בכדי גרינגער צו קענען די מאַסע פון עטלעכע הונדערט טויזנט אַרײַנטרײַבן אין די וואַגאָנען און זיי אַרויספירן קיין טרעבלינקע. דער פאַרשטאַרקטער טעראָר האָט זיך אָנגעהויבן אין וואַרשע אין דער נאַכט פון 17טן אויפן 18טן אַפּריל 1942. די נאַכט האָט מען אַרויסגעשלעפּט פון די וווינונגען און גלײַך דערהרגעט אויף דער גאַס 52 מענטשן. פון דעמאָלט אָן זענען יעדע נאַכט געווען קרבנות. אין יוני 1942 האָט מען דערמאָרדעט אין באַביץ 110 יִדן פאַר כלומרשט אַנטקעגנשטעלן זיך דער דײַטשער מאַכט. אינעם טאָג פאַרן אָנהייבן די „אויסזידלונג־אַקציע” אין וואַרשע, דעם 21טן יולי, האָט מען אײַנגעזעצט אין פּאַוויאַק אַן ערך 60 ערבות־לײַט. דעם זעלבן טאָג האָט מען אַ ריי מענטשן דערשאָסן אויף דער גאַס און אין די וווינונגען.

דעם 22טן יולי אין דער פרי איז אין דער געבײַדע פון יודענראַט געקומען דער דעלעגירטער פון „איינזאַץ ריינהאַרד”, דער באַפולמעכטיקטער וועגן די אויסזידלונגס־ענינים אין וואַרשע, העפּלע, אין דער באַגלייטונג פון 7 פאַרשוין. די מויערן פון געטאָ זענען געדיכט געוואָרן אַרומגעשטעלט מיט פּאָליציי־פּאָסטנס; פאַר דער געבײַדע פון יודענראַט זענען צוגעפאָרן לאַסט־אויטאָמאָבילן, אָנגעפילט מיט געווער. אויף דער זיצונג פון דעקאָמפּלעטירטן יודענראַט (אַ טייל פון די יודענראַטלערס זענען געזעסן אין אַרעסט) האָט העפּלע דיקטירט די ריכטליניעס און באַפעלן פאַרן יודענראַט. אין די ריכטליניעס זענען אויסגערעכנט געווען די קאַטעגאָריעס מענטשן וואָס זענען באַפרײַט פון דער „אויסזידלונג”. אין די באַפעלן איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף די אַקטועלע פליכטן פון יודענראַט. לויט העפּלעס דיקטאַט זענען פון דער „אויסזידלונג” באַפרײַט געווען אַלע מענטשן וואָס זענען געווען באַשעפטיקט בײַ דער אָקופּאַציע־מאַכט, אין די מיליטערישע אונטערנעמונגען, אין די דײַטשע פירמעס, אַלע מיטגלידער און אָנגעשטעלטע פון יודענראַט און אויך אַלע אַרבעטס־פעיִקע וואָס זענען ביז איצט נישט געווען באַשעפטיקט. די „אויסזידלונג” איז אויך נישט חל געווען אויף דער אָרדנונגסדינסט, אויפן פּערסאָנאַל פון די יִדישע שפּיטעלער און קראַנקע אין די שפּיטעלער, אויפן פּערסאָנאַל פון די דעזינפעקציע־בריגאַדעס און אויך אויף די משפחהמיטגלידער פון די אַלע אויסגערעכנטע אַרבעטערס.

מען האָט געהייסן דעם יודענראַט אויסליידיקן דעם שפּיטאָל בײַם אומשלאַגפּלאַץ, צושטעלן אַהין יעדן טאָג 6.000 מענטשן, זאָרגן דערפאַר אַז די אַרבעט אין די אונטערנעמונגען זאָל ווערן קאָנטראָלירט, פאַרזיכערן די באַשפּײַזונג פון דער באַפעלקערונג, און יעדן טאָג באַגראָבן די טויטע. די „אויסגעזידלטע” האָט מען דערלויבט מיטצונעמען מיט זיך 15 קילאָגראַם באַגאַזש און ווערטזאַכן. פאַר יעדן נישט־אונטערוואַרפן זיך דער מאַכט מצד דער באַפעלקערונג האָט מען געדראָעט מיט דערשיסן. מען האָט אויך געוואָרנט, אַז אין פאַל ווען דער יודענראַט וועט נישט אויספירן אויף די גאַנצע הונדערט פּראָצענט די דיקטירטע באַפעלן און די ריכטליניעס, וועט יעדעס מאָל דערשאָסן ווערן אַ געהעריקע צאָל ערבות־לײַט.

אין רעזולטאַט פון געוויסע פראַגעס און פאָרשלאָגן מצד דעם יודענראַט האָט העפּלע צוגעגעבן דערגאַנצונגס־באַמערקונגען צום פּראָטאָקאָל. ער האָט, נעמלעך, באַשטימט גלײַך אויפן אָרט יאַקוב לייקינען, דעם העכערן אָפיציר פון דער אָרדנונגסדינסט, פאַרן לײַטער פון דער אָרדנונגסדינסט און פאַרברייטערט דעם קרײַז מענטשן וואָס אונטערליגן נישט דער „אויסזידלונג”. כדי מען זאָל די אָנגעשטעלטע פון אַ ריי ביז איצט זעלבסטשטענדיקע אינסטיטוציעס פאַררעכענען צו דער קאַטעגאָריע מענטשן וואָס ווערן באַפרײַט פון דער „אויסזידלונג”, האָט מען די אינסטיטוציעס אונטערגעאָרדנט דעם יודענראַט. צווישן די אונטערגעוואָרפענע אינסטיטוציעס זענען געוואָרן אויסגערעכנט: דער פאַרזאָרגונגס־אַמט, די יִדישע געזעלשאַפטלעכע אַליינהילף, די ליפערונגס־געזעלשאַפט, דער קאָאָפּעראַטיווער באַנק, די געזונטהייטס־קאַמער, דער האַנטווערקער־פאַראיין, די אונטערנעמונג פון אַרויספירן מיסט „סט. היימאַן און שותפים”. אויך די אָנגעשטעלטע וואָס זענען געווען באַשעפטיקט דורך דער קאָמיסאַרישער הײַזער־פאַרוואַלטונג האָט מען אויפן געביט פון דעם קוואַרטאַל געדאַרפט באַהאַנדלען צו גלײַך מיט די אָנגעשטעלטע פון יודענראַט. דעם זעלביקן טאָג איז דער פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג, וואָס איז דיקטירט געוואָרן דורך העפּלען, געוואָרן כמעט אין גאַנצן אָפּגעדרוקט אין דער פאָרעם פון אַ באַקאַנטמאַכונג, וועלכע איז אונטערגעשריבן געוואָרן דורכן יודענראַט און פונאַנדערגעקלעפּט געוואָרן איבערן געטאָ.

דעם 22טן יולי איז שוין אַרויסגעפאָרן דער ערשטער טראַנספּאָרט פון וואַרשע צום טויטלאַגער טרעבלינקע, פירנדיק 6.250 מענטשן. דער טראַנספּאָרט איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון די אַרעסטאַנטן וואָס זענען אָפּגעזעסן שטראָף אין צענטראַל־אַרעסט

אויף דער אַזוי גערופֿענער גענשאָווקע, פֿון די אײַנוווינערס פֿון אַ רײַ פּליטים־הײַזער און פֿון אַ טייל דײַטשע און טשעכישע ייִדן, וועלכע האָבן געוווינט אויסערן געטאָ.

היות לויט דער באַקאַנטמאַכונג זענען געוויסע קאַטעגאָריעס באַשעפֿטיקטע און זייערע משפּחות געווען באַפֿרײַט פֿון דער „אויסזידלונג”, האָט זיך די באַפֿעלקערונג פֿון געטאָ פֿיבערהאַפֿט אַ וואָרף געטאָן צו זוכן אַרבעט אין די שאָפּן.

דערווײַל איז טאָג בײַ טאָג געפֿירט געוואָרן די „אויסזידלונג־אַקציע”. דעם 23טן יולי זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע 7.300 מענטשן. דעם זעלביקן טאָג נאָך מיטאָג האָט מען אַרויסגערופֿן דעם פּרעזעס פֿון יודענראַט, טשערניאַקאָוו, אין „אויסזידלונגסאַמט”, ווו מען האָט אים געגעבן אָנווײַזונגען. מען האָט געפֿאָדערט פֿון אים צוצושטעלן 7.000 מענטשן אויפֿן 24טן יולי און 10.000 אויפֿן 25טן יולי. נאָכן אומקערן זיך אַהיים איז טשערניאַקאָוו באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אײַננעמענדיק סם.

כדי צו באַרויִקן די עפֿנטלעכע מיינונג און צו נישט צו מאַכן אַלע באַאומרויִקנדיקע ידיעות, וואָס האָבן אַרומגעקרײַזט אין געטאָ, זענען דעם 24טן יולי געקומען אין דער געבײַדע פֿון יודענראַט ס״ס־אָפֿיצירן מיט אַ פֿאַרזיכערונג, אַז די אויסזידלונג קומט ווירקלעך פֿאָר אויף די מיזרח־געביטן און קיינעם וועט קיין עוולה נישט געשען. דעם זעלבן טאָג האָט דער יודענראַט פֿונאַנדערגעקלעפּט אַזאַ באַקאַנטמאַכונג מיט אַ באַרויִקנדיקן אינהאַלט.

דעם 24טן יולי ווערן איבערגעשיקט קיין טרעבלינקע 7.400 מענטשן, דעם 25טן יולי — 7.350, דעם 26טן און 27טן איז נאָך די צאָל פֿון די אַרויסגעשיקטע 6 טויזנט, דעם 28טן יולי פֿאַלט די צאָל ביז 5 טויזנט.

פֿון דעם 29טן יולי אָן גייט איבער די בלאָקאַדע, מיט וועלכער עס האָט ביז איצט זיך פֿאַרנומען נאָר די ייִדישע אָרדנונגסדינסט, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון ס״ס. בעת דער בלאָקאַדע פֿון די הײַזער אָדער גאַסן האָט מען אַלע אײַנוווינערס אויסגעשטעלט אין רייען, דערנאָך אַדורכגעפֿירט אַ סעלעקציע, באַפֿרײַענדיק אין דער ערשטער צײַט אַלע וואָס האָבן זיך לעגיטימירט מיט אַן אויסווײַז, ווײַל אין דער ערשטער צײַט איז געווען אַ גענויע אינסטרוקציע פֿון „אויסזידלונגסאַמט” צו רעספּעקטירן אַלע לעגיטימאַציעס. די גינסטיקע קאָניונקטור פֿון דער נאָכפֿראַגע אויף אויסווײַזן האָבן אויסגענוצט פֿאַרשידענע קאָמבינאַטאָרן, וואָס האָבן פֿאַרקויפֿט פֿאַר גראָבע געלטער אויסווײַזן פֿון כלומרשט נײַ־אָרגאַניזירטע שאָפּן, וואָס זענען נאָך דעם קיין מאָל נישט געשאַפֿן געוואָרן.

דאָס וואַרשעווער געטאָ איז אין די טעג פֿון דער „אַקציע” אַזוי אָפּגעצוימט געוואָרן פֿון דער „אַרישער” זײַט, אַז עס האָט קיין רייד נישט געקאָנט זײַן וועגן אַ וועלכן נישט איז אויסטוישהאַנדל. די פּרײַזן פֿון שפּײַז־אַרטיקלען זענען געשטיגן און מען האָט נישט געקאָנט פֿאַרקויפֿן נישט קיין קליידער און נישט קיין ווערטזאַכן. דער הונגער האָט זיך געלאָזט פֿילן אומעטום. דעם דאָזיקן מאָמענט האָט דער „אויסזידלונגס־אַמט” באַוויזן ווי געהעריק אויסצונוצן. ער האָט פֿאַרוואָרפֿן אויף זײַן קרבן אַ נײַע נעץ. דעם 29טן יולי 1942 האָט זיך באַוויזן אַן אויפֿרוף צו דער באַפֿעלקערונג, אונטערגעשריבן דורכן לייטער פֿון דער אָרדנונגס־דינסט, וואָס האָט צוגעזאָגט יעדן וואָס דאַרף אַרויסגעשיקט ווערן און וועט זיך מעלדן פֿרײַוויליק אין די טעג פֿון 29, 30 און 31טן יולי צו דער „אויסזידלונג”, 3 קילאָ ברויט און אַ קילאָ מאַרמעלאַד.

אין דער נעץ האָבן זיך לכתחילה געלאָזט כאַפּן הונדערטער הונגער־לײַדנדיקע, דערנאָך זענען שוין טויזנטער אַוועק אויפֿן זאַמלפּונקט לעבן דעם אומשלאַגפּלאַץ. דער טערמין פֿאַרן פֿרײַוויליקן מעלדן זיך איז פֿאַרלענגערט געוואָרן אויף נאָך 3 טעג.

עס ווערן דעמאָלט ליקווידירט די האַנטווערקער־וואַרשטאַטן און אויך געוויסע שאָפּן. די דאָרט באַשעפֿטיקטע ווערן אַרויסגעשיקט. עס ווערן אומגילטיק די לעגיטימאַציעס פֿון „אויסזידלונגס”־קאָמיטעט און פֿון געוויסע אָפּטיילונגען פֿון יודענראַט.

אין משך פֿון די ערשטע 9 טעג פֿון דער „אַקציע” זענען דערשאָסן געוואָרן אויפֿן ייִדישן בית־עולם זקנים, קאַליקעס און קליינע קינדער, וואָס האָבן זיך „נישט אײַנגעגעבן” פֿאַרן טראַנספּאָרט. לויט דײַטשע קוועלעס זענען אויף אַזאַ אופֿן אומגעבראַכט געוואָרן 385 פּערזאָן. דאָס האָט געהאַט פֿאַר אַ ציל צו שאַפֿן די איבערצײַגונג בײַ ייִדן, אַז די נישט־פֿעיִקע צו פֿיזישער אַרבעט דערהרגעט מען ווי אַן איבעריקן באַלאַסט, בעת אַלע אַנדערע ווערן באמת איבערגעשיקט אויף מיזרח. אין צווייטן פּעריאָד פֿון דער „אויסזידלונגס־אַקציע”, ד״ה אָנהייבנדיק פֿון 29טן יולי, נעמען די מיטגלידער פֿון „אײַנזאַץ־רײַנהאַרד” אָנטייל אין די בלאָקאַדעס. בעת די בלאָקאַדעס זענען אַלע געכאַפּטע אַוועקגעשיקט געוואָרן אויפֿן אומשלאַגפּלאַץ. די געוויזענע דאָקומענטן האָבן שוין נישט קיין באַדײַטונג, עס ווערן אויפֿן אָרט צעריסן אַלע צײַגענישן; קראַנקע און אויסבאַהאַלטענע דערהרגעט מען גלײַך אויפֿן אָרט. אויף דער באַפֿעלקערונג פֿאַלן נײַע קלעפּ — די גרענעצן פֿון געטאָ ווערן פֿאַרשמעלערט.

אין משך פֿון 8 טעג, צווישן 9טן און 16 אויגוסט, באַווײַזן זיך אַזש 4 מעלדונגען וועגן ענדערן די גרענעץ פֿון געטאָ. דאָס קליינע געטאָ ווערט ליקווידירט, אַ סך הײַזער דאַרפֿן ווערן באַפֿרײַט פֿאַר די אַרבעטערס פֿון די באַזונדערע שאָפּן. די פֿאַראָרדענונג פֿון 16טן אויגוסט 1942 ווײַזט אָן, אַז אַלע נישט־אַרבעטנדיקע און אויך די משפּחה־מיטגלידער פֿון די באַשעפֿטיקטע מענטשן דאַרפֿן זיך צושטעלן אויפֿן אומשלאַגפּלאַץ.

בעתן אָפּרייניקן די וווינונגסבלאָקן וואָס ווערן צוגעטיילט צו די שאָפּן ווערן געכאַפּט נײַע מענטשן אויף „אויסזידלונג”, עס פֿאַלן צענדליקער דערהרגעטע אויפֿן אָרט. די שאָפּן ווערן אַרומגערינגלט מיט פֿאַרקאַנעס אָדער מיט פֿאַרצוימונגען פֿון שטעכיקן דראָט. די וווינונגסבלאָקן פֿאַר די שאָפּן ווערן אויך אָפֿט בלאָקירט און די מענטשן ווערן אַרויסגעשיקט קיין טרעבלינקע. אין דער ערשטער העלפֿט אויגוסט איז דער גאַנג פֿון דער אַקציע זייער אַ שטאַרקער; דעם 6טן און 7טן אויגוסט צ״ב, ווערן געפֿירט קיין טרעבלינקע העכער 10 טויזנט מענטשן טעגלעך.

אין משך פֿון דער צווייטער העלפֿט אויגוסט, צווישן 19טן און 24טן, איז פֿאָרגעקומען אַן איבעררײַס אין דער „אויסזידלונגס־אַקציע”. די „פֿאַרניכטונגס־קאָמאַנדאָ” האָט פֿאַרלאָזט וואַרשע, זי איז אַוועק אויף דער פּראָווינץ צו דער זעלבער אַרבעט. אין דער צײַט קומען אָן אין פֿאַרניכטונגס־לאַגער אין טרעבלינקע יעדן טאָג צוגן מיט דער ייִדישער באַפֿעלקערונג פֿון אָטוואָצק, פֿאַלעניץ, רעמבערטאָוו, מינסק־מאַזאָוויעצק, שעדלעץ, מאָרדי און לאָשיץ.

דעם 19טן אויגוסט איז געוואָרן אַרומגערינגלט דאָס געטאָ אין אָטוואָצק, און 7000 ייִדן האָט מען פֿאַרלאָדנט אין די וואַגאָנען. אין משך פֿון די ווײַטערדיקע עטלעכע טעג זענען אין אָטוואָצק אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פֿון זייערע באַהעלטענישן און דערשאָסן 3.000 מענטשן. די עקזעקוציעס דויערן דערנאָך נאָך עטלעכע וואָכן.

מען האָט איבערגעלאָזט אין אָטוואָצק נאָר די מיטגלידער פון יודענראַט און די יידישע אָרדנונגסדינסט, וועלכע מען האָט אויך אין אַ שטיקל צייַט אַרום אַרויסגעשיקט אין פאַרשידענע נאָענטע לאַגערן ווילאַנאָוו, פּיעקעלקאָ. דעם 20טן אויגוסט האָט מען אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון פאַלעניץ און רעמבערטאָוו. אין פאַלעניץ האָט מען איבערגעלאָזט 100 מאַן, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אינעם טאַרטאַק.

דעם 21טן אויגוסט האָט מען „אויסגעזידלט" די יידישע באַפעלקערונג פון מינסק־מאַזאָוויעצק, איבערלאָזנדיק עטלעכע הונדערט פּערזאָן וואָס האָבן געאַרבעט אין רודזקיס פאַבריק און אין דער געבייַדע פון דער שול א"נ פון קאָפּערניק. עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אויפן אָרט די קראַנקע און זקנים. דעם צווייטן טאָג האָט מען דערשאָסן די מיטגלידער פון יודענראַט. אַ געוויסן טייל פון דער מינסק־מאַזאָוויעצקער באַפעלקערונג איז דעמאָלט געלונגען אויסצומייַדן דעם טויט — אַן ערך טויזנט מענטשן זענען אַנטלאָפן קיין קאַלושין, קאָלביעל, דאָברע, סטאַניסלאַוואָוו, שענניצע, לאַטאָוויטש.

אין די טעג פון 22טן ביזן 24טן אויגוסט זענען כמעט אַלע יידן פון שעדלעצער קרייַז אומגעקומען אין די גאַזקאַמערן פון טרעבלינקע. דעם 24טן אויגוסט האָט מען דערשאָסן אין שעדלעץ די קראַנקע און דעם שפּיטאָל־פּערסאָנאַל. מען האָט איבערגעלאָזט 500 מענטשן, וועלכע מען האָט אייַנגעאָרדנט אין 2 הייַזער אין קליינעם געטאָ אין דעם א"ג „דרייַעק". שפּעטער האָט מען לעגאַליזירט דאָס אויפהאַלטן זיך אין קליינעם געטאָ פון אַן ערך 1000 מענטשן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין טאָג פון דער „אַקציע". לעבן די יידן האָט מען אייַנגעאָרדנט אין איינעם פון די הייַזער אין קליינעם געטאָ די ציגייַנערס. אין שעדלעץ און אויף די פּעריפעריעס פון שעדלעץ האָבן זיך געפונען עטלעכע צוואַנציק קלענערע און גרעסערע דייַטשע פּלאַצוווקעס. נאָך דער „אויסזידלונג" האָט מען אַ טייל פון די פּלאַצוווקעס קאַסאַרירט; אויף אַנדערע פּלאַצוווקעס זענען די אַרבעטערס אַרויסגעגאַנגען יעדן טאָג פון קליינעם געטאָ.

דעם 25טן אויגוסט 1942 איז באַנייַט געוואָרן די „אויסזידלונגס־אַקציע" אין ווארשעווער געטאָ. עס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן דעם טאָג קיין טרעבלינקע 3000 מענטשן; קיינער איז דעמאָלט נישט איבערגעשיקט געוואָרן אויפן צולאַג (דורכגאַנגס־לאַגער). אין משך פון די ערשטע 4 וואָכן פון דער „אַקציע" האָט מען צוגעשטעלט אויפן צולאַג אַ טייל מענער — יונגע, געזונטע און פעיִקע צו פיזישער אַרבעט. פון צולאַג האָט דער אַרבעטסאַמט איבערגעשיקט די מענטשן אין פאַרשידענע אַרבעטס־לאַגערן. לויט די אָפיציעלע ציפערן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אויפן צולאַג צווישן 22טן יולי און דעם 19טן אויגוסט 1942 איבער 9000 מענער.

דעם 25טן אויגוסט האָט דער יודענראַט געמאָלדן דער עפנטלעכקייט די פאַראָרדענונג פון אַרבעטסאַמט וועגן דעם, אַז דאָס טוישן דעם אַרבעטספּלאַץ קאָן מען נאָר מיט דער פריִערדיקער דערלויבעניש פון דעם אַמט, ד"ה פון דער אָפּטיילונג פון אַרבעטסאַמט פאַר דעם יידישן קוואַרטאַל. די אינערלעכע אָנווייַזונגען פון אַרבעטסאַמט פון 24טן אויגוסט 1942 האָבן אַנטהאַלטן די ליסטע פון די אָנערקענטע פירמעס אין געטאָ און די דייַטשע פּלאַצוווקעס אויף דער „אַרישער" זייַט, און אויך די צאָל פון די פאַר זיי באַשטימטע אַרבעטערס. די אָנווייַזונג האָט צוגעפעסטיקט צו די באַשטימטע אַרבעטספּלעצער אַן ערך 30 טויזנט מענטשן, אָן די משפחה־מיטגלידער. אין אויגוסט זענען אָפט פאָרגעקומען בלאָקאַדעס אין די שאָפּן. מען איז פּלוצלינג אָנגעפאַלן אויף די שאָפּן און דורכגעפירט דאָרט אַ סעלעקציע, באַגלייט מיט שלאָגן, שיסערייַען און אַ טומל. מען האָט זיך נישט גערעכנט מיט די באַדערפענישן פון דער פאַבריק און אָפט אפילו צוגענומען די סאַמע נייטיקסטע פאַכמענער.

אין משך פון חודש אויגוסט 1942 האָט מען ליקווידירט אַלע קינדער־אַנשטאַלטן, אינטערנאַטן, האַלב אינטערנאַטן, זויגהיימען, בורסעס און יתומים־הייַזער. די לעצטע טעג פון אויגוסט און די ערשטע טעג פון סעפּטעמבער זענען געווען פאַרהעלטענישמעסיק רויִקע, עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די „אַקציע" ענדיקט זיך. דער יידישער שפּיטאָל האָט באַקומען אַ באַפעל צוריק פאַרנעמען די געבייַדע, וועלכע ער האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם 22טן יולי. בעת דער אַקציע האָט מען אין דער געבייַדע געזאַמלט די מענטשן פאַרן אויפלאָדענען זיי אין די וואַגאָנען, ווייל דער בנין איז געלעגן בשכנות מיטן אומשלאַגפּלאַץ.

צווישן דעם 3טן און 5טן סעפּטעמבער האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן די אינטענסיווע בלאָקאַדעס אין די שאָפּן. יעדער שאָפּ האָט געמוזט צושטעלן אַ געוויסע צאָל מענטשן צו דער „אויסזידלונג". דעם 5טן סעפּטעמבער קומט אַ געוואַלדיקער קלאַפּ — אַ פאַראָרדענונג אַז אַלע אייַנוווינערס פון געטאָ דאַרפן זיך שטעלן אין אַ פּירעק פון גאַסן, וואָס מען האָט אָנגערופן קעסל, פאַרזאַמלען דעם 6טן סעפּטעמבער ביז 10 אין דער פרי די גאַנצע באַפעלקערונג פונעם געטאָ, וועלכער מען האָט געהייסן מיט זיך מיטנעמען שפּייַז אויף 2 טעג. די „רעגיסטראַציע" האָט געדויערט אַ גאַנצע וואָך. ווידער זענען יעדן טאָג אָפּגעגאַנגען צוגן מיט מענטשן קיין טרעבלינקע. בלויז דעם 8טן סעפּטעמבער זענען, לויט די דייַטשע ציפערן, אַוועק קיין טרעבלינקע 13.596 מענטשן; אין משך פון דער וואָך — וואָרשייַנלעך אַן ערך 50 טויזנט. צווישן 6טן און 10טן סעפּטעמבער האָט מען פאַרלאָדנט אין די וואַגאָנען די קראַנקע פון שפּיטאָל צוזאַמען מיט די דאָקטוירים און טעכנישן פּערסאָנאַל. דעם לעצטן טאָג פון דער „רעגיסטראַציע", דעם 12טן סעפּטעמבער, זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע 4806 מענטשן, גלייַכצייַטיק זענען 1200 איבערגעשיקט געוואָרן אויפן צולאַג. אין משך פון דער וואָך זענען פאַרנאָטירט געוואָרן 3047 טויטפאַלן, דערפון 86 פּראָצ' דערשאָסענע. נאָך דער סעלעקציע, וועלכע די היטלעריסטישע מערדערס האָבן אָנגערופן „רעגיסטראַציע", האָבן דאָס רעכט צו פאַרבלייַבן אין געטאָ באַקומען 32—35 טויזנט מענטשן. אין דער אמתן זענען איז געטאָ פאַרבליבן אַ סך מער מענטשן. אַ סך זענען אַנטלאָפן אויף דער „אַרישער" זייַט.

איבער די גאַסן פון ניי־באַשטימטן געטאָ האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין פּאַטראָלן, וואָס האָבן געהאַט אַ בפירושן אָנזאָג צו שיסן אויף יידן ביי דער מינדסטער געלעגנהייט. בעתן בלאָקירן די הייַזער האָט מען ווייַטער דערשאָסן די אויסבאַהאַלטענע. דעם 21טן סעפּטעמבער, יום־כיפור, האָט מען „אויסגעזידלט" 2.196 מענטשן. דעם טאָג איז פאַרענדיקט געוואָרן די גרויסע „אויסזידלונגס־אַקציע" אין ווארשעווער געטאָ.

אַרום דעם געטאָ איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ נייַע ליניע פון גרענעץ־מויערן; עס זענען איבערגעטראָגן געוואָרן געוויסע אונטערנעמונגען און אינסטיטוציעס; די שאָפּן וואָס האָבן זיך געפונען אויסערן געטאָ זענען געוואָרן אַרומגעמויערט, און די וווינונגס־בלאָקן פון די אַרבעטערס אַרומגעצוימט. די קאָמוניקאַציע צווישן געטאָ און די אינדזלען ווו די שאָפּן האָבן זיך געפונען איז פאָרגעקומען אויפן גרונד פון דורכגאַנגשייַנען, וואָס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן דורך דער געטאָמאַכט. אויף די גאַסן האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. די מערדערישע האַנט האָט אויסגעפירט איר אַר־

בעט. לויט דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק זענען פאַרבליבן אין די שאָפּן אַן ערך 26 טויזנט מענטשן און אַרום 3 טויזנט באַשעפטיקטע אין יודענראַט.

ווידער איז געקומען די ריי אויף דער פּראָווינץ. צווישן 22טן און 24טן סעפּטעמבער האָט מען אַדורכגעפירט די פאַרטיליקונג פון דער מערהייט יִדישע יִשובים אינעם קרייַז סאָקאָלאָוו־ווענגראָוו, ווי אויך אין יאַדעווע. צווישן 25טן און 27טן סעפּטעמבער האָט מען פאַרניכטעט אַ טייל פון די יִשובים אין מינסק־מאַזאָוויעצקער קרייַז. אין די לעצטע טעג סעפּטעמבער — די מערהייט יִשובים אין גאַרוואָלינער קרייַז. אין די ערשטע טעג אָקטאָבער האָט מען ליקווידירט די יִדישע יִשובים אין סאָביעניע, יעזשאָראָ, ראַדזימין, לודווישין (לעגיאָנאָוואָ), וואָלאָמין.

די „אויסזידלונגס־אַקציעס” זענען געקומען פאַר יעדן יִשוב אומגעריכט. אין מיטן דער נאַכט איז דאָס געטאָ אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ געדיכטן פּאָליציי־קאָרדאָן; אַנטלויפן איז געווען כמעט אוממעגלעך. קיין שום זיכערע רעטונג איז נישט געווען אין די באַהעלטענישן, ווייַל מען האָט זיי גענוי אַדורכגעזוכט נאָך דער „אַקציע”. אין דעם פּעריאָד טרעפט זיך דאָך אָפטער דאָס אַנטלויפן אין די וועלדער. אינעם טאָג פון דער „אויסזידלונג” איז דער גרעסטער טייל אייַנוווינערס פון ווענגראָוו אַנטלאָפן אין די וועלדער פון דער אומגעגנט אָדער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין מלינות.

הינטער יאַדעווע איז טעטיק געווען אַ פּאַרטיזאַנישע גרופּע אונטער דער אָנפירונג פון דעם יאַדעווער אייַנוווינער משה זשעלעניעץ. אויך פון ראַדזימין זענען 200 יונגע יִדן אַוועק אין וואַלד אַרייַן.

דאָס אַרומזוכן די באַהאַלטענע אין די וועלדער האָט פאַרשלונגען אַ סך צייַט און ענערגיע. דער היטלעריסטישער אָקופּאַנט האָט זיך גענומען צו אַ זיכערן מיטל, וואָס האָט געדאַרפט אייַנשלעפערן די וואַכזאַמקייט פון דעם געפּלאָגטן קרבן. ער האָט נעמלעך, פאַרעפנטלעכט אַ נייַע פאַראָרדענונג פון העכערן פירער פון דער פּאָליציי און ס״ס אין קראָקע, קריגער, וועגן שאַפן יִדישע וווינראַיאָנען אין די וואַרשעווער און לובלינער דיסטריקטן. אָט די פאַראָרדענונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 28טן אָקטאָבער 1942, ווען די פאַרניכטונג פון די יִדישע יִשובים אין וואַרשעווער דיסטריקט איז געווען אַ פולשטענדיקע. עס זענען געבליבן אַ פּאָר טויזנט יִדן אין שעדלעץ, עטלעכע אַרבעטער־בריגאַדעס אין מינסק־מאַזאָוויעצק, צו 100 מענטשן אין פּאַלעניץ און ווענגראָוו. אין וואַרשע זענען לויט דער רעגיסטראַציע פון יודענראַט געבליבן 35.639 מענטשן.

אין קריגערס פאַראָרדענונג זענען אויסגערעכנט געוואָרן פאַרן וואַרשעווער דיסטריקט 6 וווינראַיאָנען: וואַרשע, קאַלושין, קאָסאָוו, שעדלעץ, סאָבאָלעוו און רעמבערטאָוו. אין מיטן נאָוועמבער 1942 האָט דער קאָמיסאַר אויערסוואַלד גערופן צו זיך דעם פּרעזעס פון וואַרשעווער יודענראַט ליכטענבוים צוזאַמען מיט נאָך 2 ראַטמענער און אין דער אָנוועזנהייט פון גענעראַל פאָן זאַמערן, דעם אָנפירער פון דער פּאָליציי און ס״ס אין וואַרשעווער דיסטריקט, האָט ער געמאָלדן, אַז עס איז פאַרגעזען דאָס צוקומען פון לכל־הפּחות נאָך 5 טויזנט יִדן אין וואַרשעווער געטאָ אַרייַן. די יִדישע פאַרשטייערס ,וואָס האָבן געמוזט דערבייַ שטיין, האָט אויערסוואַלד אויך געמאָלדן, אַז די אַפּראָוויזאַציע וועט אָנערקענט ווערן פאַר די נישט־באַשעפטיקטע פונקט ווי פאַר די באַשעפטיקטע און געפאָדערט פון זיי אַן אַרבעטפּלאַן פאַר דער יִדישער באַפעלקערונג אויף דער צייַט ביז מייַ 1943.

אין משך פון נאָוועמבער 1942 איז פאָרגעקומען אַ פרייַוויליקער און געצוווּנגענער צופלוס פון יִדן אין וואַרשעווער געטאָ. אַ טייל פון די פריִער אויסבאַהאַלטענע אין געטאָ גופא האָבן זיך איצט לעגאַליזירט. אַן ערך 1000 מענטשן האָט די מאַכט באַפרייט פון אומשלאַגפּלאַץ.

אין נאָוועמבער און אָנהייב דעצעמבער 1942 האָט די היטלעריסטישע מאַכט אויפגעלייזט די מערהייט פון די לאַגערן אין וואַרשעווער דיסטריקט, און אין טייל לאַגערן האָט מען איצט רעדוצירט די צאָל לאַגערניקעס. אין די לאַגערן האָט מען אַרויסגעהאָנגען די פאַראָרדענונג וועגן שאַפן די „וווינקוואַרטאַלן”. די לאַגערניקעס זענען געוויינלעך אַוועק אין דעם נאָענטסטן „קוואַרטאַל” (וואָהנבעצירק). פונעם לאַגער אין כיזשינע (קרייַז מינסק־מאַזאָוויעצק) זענען די לאַגערניקעס אַוועק קיין קאַלושין, פונעם לאַגער ווילגאַ (קרייַז גאַרוואָלין) קיין סאָבאָלעוו.

אין וואַרשעווער געטאָ זענען געקומען אין נאָוועמבער גרעסערע גרופּעס יִדן פון די געטאָ־לאַגערן אין טאַרכאָמין, ווילאַנאָוו, קאָלביעל, קאַרבאָוואָ, סלאָנטשין — לעבן גריצע.

אָנהייבנדיק פון 1טן דעצעמבער האָט מען באַזעצט אין געטאָ די לאַגערניקעס פון קאַרטשעוו, קופּלעוו, קלימאָנטאָוו, צוזאַמען העכער 300 מענטשן, און דעם 10טן דעצעמבער — 83 מענטשן פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער חלוצישער פאַרם אין טשערניאַקאָוו. יעדן טאָג האָט מען אויך איבערגעשיקט אין געטאָ אַרייַן די וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן אויף דער „אַרישער” זייַט.

סוף נאָוועמבער האָט מען אייַנגעאָרדנט אין געטאָ 2 בלוטיקע טעג: מען האָט דערשאָסן עטלעכע צענדליק מענטשן, וואָס האָבן געהאַנדלט אָדער זענען פּשוט פאַרבייַגעגאַנגען אין גאַס. די קרבנות האָט מען דערשאָסן אונטערן אויסרייד, אַז זיי זענען געגאַנגען אין גאַס בעת דער אַרבעטסצייַט. אין דעצעמבער, אַזש ביז אין דער העלפט יאַנואַר 1943, איז געווען ווידער פאַרהעלטענישמעסיק רויִק.

דורך דער צייַט האָט מען זיך פאַרנומען מיט אויסמאָרדן די יִדן אין וואַרשעווער דיסטריקט. דעם 26טן נאָוועמבער האָט מען איבערגעפירט די שעדלעצער יִדן פון קליינעם געטאָ קיין גענשיבאָרעק, הינטער שעדלעץ, און אין 4 טעג אַרום, דעם 30טן נאָוועמבער, האָט מען אַלע אַרויסגעפירט קיין טרעבלינקע. בלויז עטלעכע וואָכן האָט עקסיסטירט דער „יִדישער קוואַרטאַל” אין קאַלושין; אין דעצעמבער האָט מען אים ליקווידירט. אין יאַנואַר 1943 איז ליקווידירט געוואָרן דער „קוואַרטאַל” אין סאָבאָלעוו. אין רעמבערטאָוו איז דער „יִדישער קוואַרטאַל” אין גאַנצן נישט געשאַפן געוואָרן. האַרבסט 1942 האָט מען אַהערגעבראַכט און קאַשאַרירט אין געטאָ אַן ערך 300 יִדן פון וואַרשעווער געטאָ, וועלכע מען האָט באַשעפטיקט בייַם סאָרטירן זאַכן אויפן פּלאַץ פון דער פאַבריק „פּאָטשיסק”. אין דעצעמבער 1942 זענען אין מינסק־מאַזאָוויעצק אַרויסגעפירט געוואָרן אויפן בית־עולם און דערשאָסן געוואָרן 218 מאַן פון דער אַרבעטס־גרופּע פון דער שול א״נ פון קאָפּערניק. דעם 10טן יאַנואַר 1943 האָט מען פאַרניכטעט די רעשטלעך פון דער גרופּע, אָנטרעפנדיק דערבייַ אויף אַ ווידערשטאַנד.

אויף אַ שטאַרקערן ווידערשטאַנד האָבן די היטלעריסטישע מערדערס אָנגעטראָפן ווען זיי האָבן דעם 18טן יאַנואַר 1943 אין דער פרי באַשטעלט די געטאָ־מויערן און דורך צוויי זייַטן אַרייַנגעדרונגען אין וואַרשעווער געטאָ. די שווער־געפּרוּווטע באַפעלקערונג האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די צוגעגרייטע בונקערס. גרינג

איז דעם שונא נאָר אָנגעקומען פלוצלונג אַרומצורינגלען יענע אַרבעטערס פון די פלאַצווּקעס, וואָס האָבן זיך געגרייט בײַם טויער אַריבערצוגיין אויף זייערע אַרבעטפלעצער, וועלכע זענען געלעגן אויסערן געטאָ. מען איז גלײַך צוגעטרעטן צו בלאָקירן אַ רײַ הײַזער, פון וואַנען מען האָט אַרויסגעשלעפט אַלע אײַנוווינערס. אַלע קראַנקע וואָס האָבן זיך געפונען אין פראָוויזאָרישן שפיטאָל האָט מען דערשאָסן אין די בעטן. מען האָט צוגענומען דעם גאַנצן פערסאָנאַל פון שפיטאָל און אַלע דאָקטוירים. די יאַנואַר־„אַקציע” האָט געדויערט 4 טעג. עס איז געקומען צו באַוואָפנטע אַרויסטרעטונגען. אויף פאַרשידענע גאַסן האָט מען געשאָסן צו די דײַטשן. די דײַטשע אַמבולאַנסן האָבן אַרויסגעפירט פאַרוווּנדעטע און געהרגעטע. מען האָט דעמאָלט אַרויסגעפירט 6000 מענטשן, 1000 האָט מען דערשאָסן אויפן אָרט. בעת דער „אַקציע” זענען שטאַרק דורכגעזיפט געוואָרן די, וואָס האָבן געאַרבעט אויף די פלאַצווּקעס.

אין חודש פעברואַר האָט מען ליקווידירט דעם „יִדישן קוואַרטאַל” אין קאָסאָוו־טעלאַקי.

די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ האָבן די היטלעריסטן אַדורכגעפירט אין אַפריל 1943. נאָר דאָס מאָל האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף אַ צוגעגרייטן און גוט אָרגאַניזירטן ווידערשטאַנד. עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין געטאָ. נאָך עטלעכע טעג האָט דער אָנפירער פון דער פאָליציי און ס”ס־גענעראַל סטראָאָפ, נישט קאָנענדיק בשום אופן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד, באַשלאָסן דאָס געטאָ אין גאַנצן צו פאַרניכטן, פאַרברענען אַלע הײַזערבלאָקן. מען האָט אויסגעליידיקט איין אונטערנעמונג נאָך דער צווייטער און דערנאָך די הײַזער פאַרניכטעט דורך פײַער. גלײַכצײַטיק האָט מען די אַרבעטער פון די שאָפן אַרויסגעפירט אין לובלינער געגנט, קיין פאָניאַטאָוו און טראַווניק. סטראָאָפ גיט איבער אין זײַן ראַפאָרט, אַז אַ גרויסע מאַסע יִדן איז אומגעקומען אין די קאַנאַלן און בונקערס, וואָס זענען אויפגעריסן געוואָרן. לויט זײַן מײַנונג האָט זיך אײַנגעגעבן צו פאַנגען אָדער צו פאַרניכטן אַרום 56.065 יִדן. סטראָאָפ האָט זיך אָפגעגעבן אַ רעכענונג אַז כאָטש די „גרויסע אַקציע” איז געוואָרן פאַרענדיקט דעם 16טן מײַ 1943, באַהאַלטן זיך נאָך אויס פון דעסט וועגן יִדן אין די חורבות, און מען דאַרף זיי האַלטן אויפן אויג און אומבאַדינגט פאַרטיליקן. כדי אוממעגלעך צו מאַכן די ווײַטערדיקע עקסיסטענץ פון יִדן אין געטאָ, האָט ער געהייסן פאַרניכטן אַלע געבײַדעס און אויך פאַרשטעקערטער, און אָפשנײַדן דעם צופלוס פון וואַסער אין געטאָ. עטליכע חדשים געדויערט נאָך דאָס אַדורכזיפן דאָס געטאָ, דאָס אויסזוכן אין די בונקערס און מלינות די באַהאַלטענע מענטשן, וואָס האָבן זיך אָפט פאַרטיידיקט מיט גראַנאַטן און געווער אין האַנט.

אין מײַ 1943 האָט הימלער באַשלאָסן אַדורכצופירן אַן אײַליקע „עוואַקואַציע” פון די פאַרבליבענע יִדן. אין וואַרשעווער דיסטריקט זענען אין דער צײַט ליקווידירט געוואָרן די לעצטע רעשטלעך. עס זענען דערשאָסן געוואָרן די יִדן וואָס האָבן געאַרבעט אויפן טאַרטאַק אין פאַלעניץ און בײַם סאָרטירן די זאַכן אין ווענגראָוו און די אַרויסגעפירטע פונעם לאַגער אין רעמבערטאָוו.

דעם 5טן יוני 1943 האָט מען דערשאָסן די אַרבעטערס פון רודזקיס פאַבריק אין מינסק־מאַזאָוויעצק.

נאָכן ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ האָט די געסטאַפאָ אַדורכגעפירט נאָך איין ראַפינירטע אַפערע, כדי אַרײַנצוכאַפן די וואַרשעווער יִדן און אויך די אָנגעקומענע פון דער פראָווינץ וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויף דער „אַרישער” זײַט אין וואַרשע. דורך דער פאַרמיטלונג פון אירע אַגענטן און מיטאַרבעטערס האָט די געסטאַפאָ אײַנגעאָרדנט אַ פאַרקויף פון פאַלשע פאַפירן אויף אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד. די אַפערע איז באַוווּסט אונטערן נאָמען „האָטעל פאָלסקי”, ווײַל אין דעם האָטעל האָט מען פאַרקויפט די פראָמעסעס אויף אַרויספאָר. דאָרט האָבן אויך געוווינט די באַזיצערס פון די אויסלענדישע פאַפירן. פאַר די פאַפירן האָט מען געצאָלט אומגעהייערע סומעס. פון האָטעל פאָלסקי איז סוף יוני 1943 אַרויסגעפאָרן אַ פאַרטיע יִדן קיין האַנאָווער. לויט קלאַנגען זענען אַ סך מענטשן פון דעם טראַנספאָרט אין עטלעכע חדשים אַרום אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין בערגען־בעלזען און אין אָשוויענטשימער טויטלאַגער אין בזשעזשינקי. דעם 13טן יולי 1943 האָט מען אַרומגערינגלט דעם האָטעל פאָלסקי אין וואַרשע און אַלע וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען האָט מען אויפגעלאָדן אויף אויטאָס. אַ טייל האָט מען אָפגעפירט אויפן גדאַנסקער וואָקזאַל און 400 פערזאָן אין פאַוויאַק. אין פאַוויאַק האָט מען נאָכן אויסטיילן די פאַכלײַט, דערשאָסן אַלע געברענגטע. די יִדן וואָס זענען געכאַפט געוואָרן אויף דער „אַרישער” זײַט האָט די געסטאַפאָ איבערגעשיקט נאָכן פאַרהער, אין פאַוויאַק אַרײַן, אין די טויטקאַמערן, פון וואַנען מען האָט זיי געפירט צו דער עקזעקוציע. טייל פאַכלײַט האָט מען פון דאָרט אַרויסגעשיקט און באַשעפטיקט אין די שוסטער־ און שנײַדער־וואַרשטאַטן אינעם פאַוויאַק. אין אָקטאָבער 1943 האָבן געאַרבעט אין פאַוויאַק אַן ערך 100 יִדישע בעלי־מלאכות. עס האָט אויך עקסיסטירט אַ גרופע פון 40 יִדן, וואָס מען האָט געפירט יעדן טאָג צו דער אַרבעט אין די גאַראַזשן פון דער געסטאַפאָ. צו ערשט האָט מען זיי קאָשאַרירט אינעם לאַגער אויף גענשע־גאַס, שפעטער — נעבן פאַוויאַק. אין פעברואַר 1944 האָט זיך געפונען אין פאַוויאַק אַ גרופע פון 150 יִדן. בעת דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד אין וואַרשע, זומער 1944, האָבן די אויפשטענדלערס באַפרײַט פון אָט דער גרופע 100 יִדן. אַ טייל פון די באַפרײַטע האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם אויפשטאַנד.

אויף דער „אַרישער” זײַט אין וואַרשע האָבן, לויט דער אָפשאַצונג פון יִדישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, זיך געפונען אין מײַ 1944 15 טויזנט יִדן, דערפון האָבן 10 טויזנט יִדן באַקומען כסדרדיקע שטיצע פון דער יִדישער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע און פון „ראַט צו העלפן יִדן”. אַ סך פון זיי זענען אומגעקומען בעת דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד, (זומער 1944), אויך פון די הענט פון נס”ז און אַ”ק.

מיר ווילן אויפמערקזאַם מאַכן, אַז צו די איבערגעפולטע יִדישע יִשובים אין וואַרשעווער דיסטריקט האָט מען בכלל נישט אַרײַנגעפירט די יִדן פון אויסלאַנד, ווי מען האָט דאָס געטאָן אין לובלינער דיסטריקט. טייל מאָל האָט מען אײַנלאָקירט די פון אויסלאַנד צוגעבראַכטע יִדן אויסערן געטאָ (רעמבערטאָוו, וואַרשע).

חורבן וואַרשע

דער דאָקומענט וואָס מיר גיבן דאָ, איז געפונען געוואָרן ווי אַן אַנאָנימער כתב־יד אין צווייטן טייל פון רינגעלבלום־אַרכיוו. ער איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אָן קיין שום שפּראַכלעכע אָדער אָרטאָגראַפישע ענדערונגען אין „בלעטער פאַר געשיכטע" פון „ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט" אין פוילן. שפּעטער איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז דער מחבר פון „חורבן וואַרשע" איז דער באַקאַנטער ייִדישער שרײַבער יהושע פערלע.

מיר דרוקן דעם דאָקומענט לויט אונדזער אויסלייג.

הײַנט, דעם 31טן אויגוסט 1942, ווען איך הייב אָן די דאָזיקע אין בלוט און אין טרערן געטונקענע שורות, האָט זיך געשטעלט דער פערציקסטער טאָג זינט די מערדערישע היטלעריסטישע הינט צוזאַמען מיט די נידערטרעכטיקע אויסוואָרפן, וואָס מען רופט ייִדישע פּאָליציי — פאַרטיליקן און ברענגען אום אויף אַן אכזריותדיקן אופן די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג פון וואַרשעווער געטאָ.

דאָס וואַרשעווער געטאָ, אַרומגעצוימט פון אַלע זײַטן מיט וויסטע מויערן וואָס די ייִדישע קהילה האָט געשטעלט פאַר איר געלט, האָט ביזן 22טן יולי 1942 געציילט אַן ערך פון דרײַ הונדערט און פופציק טויזנט נפשות. מען האָט זיך געשטיקט און געוואָרגן אין די ענגע, פאַרברודיקטע, חושכדיקע גאַסן.

דער טיפוס, וואָס האָט געבושעוועט אַ גאַנצן ווינטער, האָט געשניטן ווי מיט קאָסעס, דער הונגער האָט צוגענומען פון פיר ביז פינף טויזנט ייִדישע נפשות אַ חודש. די היטלעריסטישע הינט האָבן געשאָסן און אומגעבראַכט מענטשן אַלע אַנדערן טאָג, פון דעסטוועגן האָבן ייִדן געלעבט (אַ קליינער פּראָצענט — גוט געלעבט) און נישט פאַרלוירן דעם בטחון, אַז סוף־כל־סוף וועט מען דעם משוגענעם הונט, דעם וועלטמערדער, איבערלעבן.

איז אָבער געקומען אַ שוואַרצער טאָג, דער שוואַרצסטער אפשר אין דער גאַנצער ייִדישער געשיכטע — דער טאָג פון 22טן יולי 1942...

ס'איז נישטאָ די פעדער וואָס זאָל בכוח זיין אויסצושרײַבן אונדזער גרויסע בראָך. ס'איז נישטאָ דער דיכטער, נישטאָ דער נביא, וואָס זאָל זײַן אומשטאַנד אויסצוקלאָגן די קלאָג פון אונדזערע מאַמעס, בײַ וועלכע מען האָט אין מיטן העלן טאָג אַוועקגעריסן זייערע קינדער — און אומגעבראַכט, ווי מען ברענגט אום שטשורעס.

און אויב איך וויל פאַרצייכענען די דאָזיקע שרעקלעכע שורות, איז עס דערפאַר, ווײַל איך ווייס נישט צי עס וועט נאָך עמיצער בלײַבן וואָס זאָל עס דערציילן. איך ווייס אויך נישט מײַן אייגענעם גורל.

ביז הײַנט איז שוין אומגעקומען צוויי מאָל הונדערט טויזנט ייִדן — אַלט און יונג, פרויען און קינדער. דער גורל פון די איבערגעבליבענע הונדערט און פופציק טויזנט איז אויך אַ געחתמעטער. הלוואַי כ'זאָל זאָגן ליגנט, אָבער לויט ווי עס גייט, וועט קיין איינער פון אונדז נישט בלײַבן צווישן די לעבעדיקע.

איך וויל, דעריבער, אַז די גרויסע וועלט (אויב אַזעלכע איז נאָך ערגעץ וואו דאָ) זאָל כאָטש אין אַ געוויסער מאָס געוואָר ווערן ווי אַזוי... מ'האָט אונדז אויסגעשאָכטן.

אויב מײַנע שורות וועלן זײַן כאַאָטיש, אויב די דאַטעס וועלן נישט אין גאַנצן שטימען, זאָל מען מיר מוחל זײַן. איך ווייס אַליין נישט ווי אַזוי איך קאָן נאָך האַלטן אַ פעדער אין דער האַנט.

אייגנטלעך האָט זיך דאָס וויסטע אומגליק אָנגעהויבן שוין דעם 17טן אַפּריל 1942. ס'איז געווען דעמאָלט פרײַטיק. אין גאַס האָבן זיך פאַרשפּרייט זייערע אומרויִקע קלאַנגען. אויף קלאָר האָט מען גאָרנישט געוווּסט. אָבער שוין זעקס אַ זייגער פאַר נאַכט האָט זיך די ייִדישע באַפעלקערונג באַמיט צו זײַן אין דער היים. די גאַס האָט אויסגעזען ווי ערב־יום־כּפּור פאַר „כל נדרי". אַ פּחד, אַן אימה, איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף די מענטשלעכע פּנימער, אויף די אָפּגערוימטע טראָטואַרן, אויף די אָפּגעשלאָסענע הײַזער, און אפילו אויף די מחנות הונגעריקע בעטלערס, וואָס זענען באַצײַטנס אַנטלאָפן אין זייערע לעכער אַרײַן.

און אין מיטן דער נאַכט פון פרײַטיק אויף שבת האָט עס זיך אָנגעהויבן. די דײַטשע תּלינים זענען פאַרפאָרן אין ייִדישן געטאָ, אָנגעקלאַפּט אין דער, אָדער אין יענער טיר, (אויב דער סטרוזש, אַ ייִדישער פאַרשטייט זיך, האָט אַזוי גיך דאָס טויער נישט געעפנט — האָט מען אים אויפן אָרט דערשאָסן).

די תּלינים זענען אַרײַן אין ייִדישע שטיבער, אַרויסגעשלעפּט עטלעכע און פופציק ייִדישע מענטשן, מענער און פרויען, באַפוילן

אראָפּגיין אויף דער גאַס ,געהייסן מאַכן עטלעכע טריט פאָרויס און פון הינטן געשאָסן אין קאָפּ אַרײַן. אויף יעדער גאַס כמעט איז געלעגן אַ דערשאָסענער, — געלעגן, אַזוי ווי אַ געפּגרטער הונט.

פיר און פופציק הרוגים האָבן זיך געוואַלגערט אין די רינשטאָקן. פיר און פופציק לוויות האָבן זיך צו מאָרגנס באַהאַלטענערהייט געשלײַכט צום גענשער בית־עולם, וואָס געפינט זיך אויסערן געטאָ — און מען מוז האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש אַהין אַרײַנצוקומען.

פון יענעם פרײַטיק צו נאַכטס אָן — האָבן זיך אָנגעהויבן דאָס אויסמאָרדעווען די ייִדישע באַפעלקערונג אין מיטן דער נאַכט.

נישט געווען די נאַכט — עס זאָלן נישט אומקומען אַ צענדליק מענטשן — פון פאַרשידענע קלאַסן און פאַרשידענע פּראָפעסיעס.

פון הינטערן פּלויט אָפּער האָבן די היטלעריסטישע הינט געשאָסן. אין מיטן דער גאַס אין קאָפּ אַרײַן. געלאָזט דעם הרוג נעבן אַ טויער אָדער אין רינשטאָק און אַליין נעלם געוואָרן. די ייִדישע לוויה־אַנשטאַלטן, וואָס זענען געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, האָבן אָפּגערוימט די הרוגים. די ייִדישע סטרוזשעס האָבן אָפּגעוואַשן דאָס בלוט — און די גאַנצע ייִדישע באַפעלקערונג (צו אונדזער גרויסער שאַנדע און חרפּה) האָט אָפּגעווישט דאָס מויל און ווײַטער געלעבט. אויסטערליש געלעבט. די שמוגלערס, למשל, די בעקערס, פאַרשידענע ספּעקולאַנטן און אונטערוועלט־מענטשן, וואָס זענען עולה לגדולה געוואָרן, האָבן געלעבט פאַרשווענדעריש, פּאַרריסן, גראַביונגיש. דער איבעריקער טייל, דאָס הייסט 99 פּראָצענט ייִדן, זענען געשטאָרבן אין די גאַסן פון הונגער, (בוכשטעבלעך) פאַרשניטן געוואָרן פון טיפוס, און דעסגלײַכן.

ביז ס'האָט זיך ווידער פאַרשפּרייט אַ ביטערער קלאַנג. אויף דער גרענעץ פון ייִדישן געטאָ און דער אַרישער זײַט איז דערהרגעט געוואָרן אַ היטלעריסטישער זשאַנדאַר. ווער ס'האָט אויסגעפירט דעם מאָרד, איז נישט געווען באַקאַנט. אָבער שולדיק דאַרפן זײַן ייִדן. איז ווידער געפאַלן אַן אימה. מען האָט זיך ווידער געריכט אויף עפּעס. און ווירקלעך זענען געקומען די געסטאַפּאָ־לײַט אין דער ייִדישער קהילה און געהייסן אויסגראָבן אַ קבר אויפן ייִדישן בית־עולם פאַר 200 מאַן.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס ס'האָט זיך געטאָן אין די ייִדישע הײַזער. יעדער ייִד האָט זיך געריכט צו זײַן איינער פון די 200.

און אַז ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט זענען די דײַטשע רוצחים געקומען אין דער ייִדישער תפיסה (אַזעלכע איז אויך געווען אין געטאָ) און אויסגעקליבן 100 יונגע ייִדן, צווישן זיי אַ סך קינדער. (זייער חטא איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן זיך אַריבערגעקריגן אויף דער אַרישער זײַט בעטלען, אָדער קויפן עפּעס צו עסן). די 100 ייִדן האָט מען פריִער מערדערלעך געשלאָגן, דערנאָך אַוועקגעפירט אויפן פּראַגער בית־עולם און דאָרט ביז איינעם דערשאָסן. 100 אומבאַקאַנטע קדושים זענען אומגעקומען פאַר גאָרנישט און פאַר נישט. צו מאָרגנס האָט זיך אויף די מויערן פון געטאָ באַוויזן אַן אומפאַרשעמטער, צינישער, פאַרברעכערישער פּלאַקאַט, אונטערגעשריבן פון קאָמיסאַר פאַרן ייִדישן געטאָ אויערסוואַלד, אַז אין דער און דער נאַכט זענען דערשאָסן געוואָרן 100 ייִדן, ווײַל זיי האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד דער מאַכט און זענען באַגאַנגען אַקטן פון סאַבאָטאַזש. אויב דאָס וועט זיך נאָך אַ מאָל איבערחזרן, וועלן אָנגענומען ווערן לגבי ייִדן נאָך שטרענגערע מיטלען.

ייִדן האָבן ווידער אָפּגעווישט דאָס מויל און די נאַכטמאָרדן האָבן נישט אויפגעהערט. אין דער שטוב אַכט מענטשן, אין יענער שטוב 10 מענטשן. די רוצחים זענען געקומען מיט רשימות פון נעמען, אויב מען האָט נישט געטראָפן דעם וועמען מען האָט געזוכט, האָט מען אין איין וועגס אַנידערגעלייגט אַנדערע וואָס האָבן זיך געפונען אין שטוב. עטלעכע מענטשן האָט מען אַראָפּגעוואָרפן פון די פענצטער. אַ שאָד געווען קאַליע צו מאַכן אַ דײַטשע קויל.

דאָס בלוט איז אָפּגעוואַשן געוואָרן. און מען האָט געמוזט לעבן, הילפלאָז און אוממעכטיק. די אַפּאַטיע בײַ דער ייִדישער באַפעלקערונג איז אַזוי ווײַט דערגאַנגען, אַז מען האָט אפילו נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאַרקריצן מיט די ציין... איבער הויפּט וועט מען מוזן פאָדערן אַ דין וחשבון פון יענע לײַט, וואָס זענען אַרויפגעשווּמען אויף דער אייבערפלאַך, פון די אַלע רעדל־פירערס, דעה־זאָגערס, כלל־טוערס און אַנדערע בעלי־טובות.

נישט אַצינד און דאָ איז דאָס אָרט וועגן דעם צו רעדן. דערווײַל האָט זיך אָנגערוקט דער טאָג פון 22טן יולי 1942. דער פינצטערער טאָג אין דער געשיכטע נישט בלויז פון פּוילישן, נאָר פון ייִדנטום איבער דער גאַנצער וועלט.

איר, שוועסטער מײַנע און ברידער, וועמען ס'האָט געטראָפן דאָס גרויסע גליק אויסצוּוואַנדערן קיין אַמעריקע, קיין ארץ־ישראל, קיין ענגלאַנד, קיין אַרגענטינע — איר אַלע, וואָס איר עסט דאָרט צו דער זעט און שלאָפט אַ רויִקן שלאָף, זאָלט וויסן, אַז דאָ אין פּוילן, ווּ איר האָט איבערגעלאָזט משפּחות און קרובים, האָט איר נישט מער קיין טאַטעס, האָט איר נישט מער קיין מאַמעס — אײַערע קינדער זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן — אײַערע שוועסטער, אײַערע ברידער זענען אַכזריותדיק אומגעקומען דורך די היטלעריסטישע רוצחים מיט דער הילף פון ייִדישע פּאָליציייִשע הענט.

אָט אַזוי איז עס פאָרגעקומען:

אַ שטיק צײַט פאַרן 22טן יולי זענען שוין געגאַנגען בייזע קלאַנגען, אַז מען וועט די וואַרשעווער ייִדן אַרויסשיקן, אַזוי ווי מען האָט עס געטאָן מיט די לובלינער, מיט די קראָקעווער, מיט די לאָדזשער און מיט אַנדערע ייִדן.

אויף היטלערן, אויף דער דאָזיקער פאַרמבולדיקער חיה, איז אַלץ צו גלייבן. די סאַדיסטישע מיטלען, וואָס ער ווענדט אָן, גייען איבער יעדן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. קיין שום פאַרברעכער, מעג אַפילו זײַן דער גרעסטער, וועט נישט האָבן אַזעלכע בלוטיקע, ראַפינירטע אײַנפאַלן...

ייִדן האָבן פון דעסט וועגן נישט געגלויבט. דרײַ הונדערט און פופציק טויזנט ייִדן וועט מען אַרויסטרײַבן פון וואַרשע? וווּהין וועט מען זיי טרײַבן? וואָס וועט מען טאָן מיט זיי? היטלער איז דען אימשטאַנד דאָס דורכצופירן? און צו וואָס דאַרף ער עס דורכפירן, אַז ער צאַפּט פון געטאָ צענדליקער מיליאָנען, אַז דאָס געטאָ אַרבעט פאַר אים. אַזוי האָבן ייִדן געטענהט און נישט פאָרגעשטעלט זיך, אַז אויב עס גייט וועגן ייִדן, איז די ברוינע בעסטיע אימשטאַנד חרוב צו מאַכן די וועלט.

און זי האָט חרוב געמאַכט. ביזן ביין, ביזן וואָרצל.

ווי אַ דונער פון הימל האָט זיך פּלוצלינג פאַרשפּרייט די ידיעה, אַז די געסטאַפּאָ־לײַט האָבן אַרעסטירט אַלע מיטגלידער פון ייִדישן ראַט (ייִדישע קהילה — געמיינט).

צום ייִדישן ראַט, אין שפּיץ פון וועלכן ס'איז געשטאַנען אינזש' אַ. טשערניאַקאָוו — אַ קליינער, גײַסטיק־אָרעמער מענטש,

האָט אויך געהערט איינער פון די חשובסטע און ערלעכסטע וואַרשעווער ייִדן, אַברהם געפּנער.

א. געפּנער איז געווען דער עלטסטער מיטגליד פון ייִדישן ראַט. די ייִדישע באַפעלקערונג האָט אים געהאַלטן בכבודיק. ער איז אויך געווען פאָרזיצער פון באַשפּײַזאַמט, וואָס האָט פאַרזאָרגט דאָס געטאָ מיט לעבנס־מיטלען. אמת איז, דער באַשפּײַזאַמט איז געווען אַן אינסטיטוציע פון גנבה, פון גזלה, פון קאָרופּציע און פון וואָס איר ווילט נאָר. די ייִדישע באַפעלקערונג איז געשטאָרבן אין די גאַסן פון הונגער, אָבער די דירעקטאָרן, די אַלערליי פּראָקורענטן און פּראָקורענטלעך, גאַנצע משומדים און האַלבע משומדים, קאַריעריסטן פון ביליקן סאָרט, האָבן געפרעסן און געזויפט פון כל טוב. זייערע בײַטלען זענען געשוואָלן געוואָרן פון לינקע בלוטיקע געלטער.

אַברהם געפּנער, מוז מען זאָגן דעם אמת, האָט צו די אַלע זאַכן קיין שײַכות נישט געהאַט. די קליקע אַרום אים איז געווען שטאַרקער. און אויב מען האָט די געמיינע קליקע פײַנט געהאַט, האָט די גאַס געפּנערן ליב געהאַט, געגלויבט אין אים. דעריבער, ווען מען האָט געפּנערן אויך אַרעסטירט — איז געפאַלן אַ ווייסטער פּחד אויפן געטאָ. מען האָט געפילט, אַז עס גרייטן זיך ביטערע גזרות. מיט אַ מאָל איז אַלץ אָפּגעשטאָרבן. מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען מיט טויטע פּנימער, מיט פיבער אין די אויגן. וואָס וועט דאָ זײַן? וואָס גייט אויף אונדז?

אַזוי האָט געדויערט עטלעכע טעג. מען האָט נישט געוווּסט נישט אַהין און נישט אַהער. ביז ס׳איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז מען האָט געפּנערן באַפרײַט, אים און צוזאַמען מיט אים נאָך עטלעכע מיטגלידער פון ייִדישן ראַט.

די גאַס האָט אויפגעלעבט. פרעמדע מענטשן זענען זיך געפאַלן אויפן האַלדז און געקושט. אויב מען האָט דעם פּרעזעס געפּנערן באַפרײַט, איז אַ סימן אַז עס וועט גאָרנישט געשען. אָבער געפּנער און צוזאַמען מיט אים די איבעריקע מיטגלידער פון ראַט זענען צוריקגעקומען פון תפיסה מיט אָפּגעשווירענע קעפּ, ווי אַלטע, געשוווירענע אַרעסטאַנטן, און מיט פינצטערע פּנימער. זיי זענען צוריקגעקומען מיט דער ביטערער בשורה, אַז די דײַטשע הינט האָבן באַשלאָסן אַרויסצושיקן פון וואַרשע אַלע ייִדן. יעדן טאָג מוזן צוגעשטעלט ווערן זעקס טויזנט ייִדן. דורכפירן דעם גירוש דאַרף די ייִדישע קהילה. די בראָך, הייסט עס, דאַרף אויסגעפירט ווערן דורך ייִדישע הענט.

מיט אַ שעה צי מיט צוויי שעה שפּעטער, דעם 22טן יולי 1942 — (גראָד איז אויסגעפאַלן תשעה־באב) — האָבן זיך גלײַך באַוויזן פּלאַקאַטן אויף די מויערן, אונטערגעשריבן דורכן ייִדישן ראַט אין וואַרשע, אַז אויפן באַפעל פון דער דײַטשער מאַכט ווערן אַלע ייִדן אַרויסגעשיקט פון וואַרשע (אויף דײַטש — איבערגעזידלט) אין די מיזרח־געביטן.

בלײַבן אין וואַרשע וועלן קאָנען: די ייִדישע פּאָליציי־לײַט מיט זייערע פאַמיליעס (ווײַבער און קינדער), די באַאַמטע פון ייִדישן ראַט, די באַאַמטע פון באַשפּײַזאַמט, די באַאַמטע פון ייִדישן הילפס־קאָמיטעט און אויך יענע ייִדן, וואָס זענען פעיִק צו אַרבעט. די דאָזיקע ייִדן וועלן קאַסאַרירט ווערן, ד"ה זיי וועלן וווינען אין ספּעציעלע הײַזער אויפן קאַזאַרמישן אופן און וועלן אַרבעטן פאַרן דײַטשן מיליטערישן געברויך.

די איבערזידלונג, איז ווײַטער געזאָגט געוואָרן אין פּלאַקאַט, הייבט זיך אָן שוין הײַנט, 11 אַ זײַגער אין דער פרי. ווער ס׳וועט זיך אויסבאַהאַלטן, ווער ס׳וועט זיך אַנטקעגנשטעלן, וועט דערשאָסן ווערן אויפן אָרט.

און דאָס אומגליק האָט זיך אָנגעהויבן אין דער גאַנצער גרייס און ברייט. די ייִדישע פּאָליציי־לײַט, די דאָזיקע צוויי טויזנט באַנדיטישע הינט, וועגן וועלכע ס׳וועט שפּעטער אויסקומען דערציילן באַריכות, האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט.

די ערשטע קרבנות זענען געפאַלן די דײַטשע ייִדן, וואָס זענען שוין צענדליקער מאָל איבערגעשיקט און איבערגעוואָרפן געוואָרן פון איין אָרט אויפן אַנדערן. מען האָט זיי אַרײַנגעוואָרפן אין וואַרשעווער געטאָ — פרעמדע, היימלאָזע, אומבאַהאָלפענע. ווי עס זאָל נישט וויי טאָן, מוז מען זאָגן, אַז איבעריק סימפּאַטיש זענען זיי נישט געווען. זיי זענען געווען דײַטשן. געמיאוסט זיך מיט די אָסט־ייִדן, געזידלט, און אויב זיי האָבן געאַרבעט אין דײַטשע אונטערנעמונגען און געהאַט אַ שטיקל דעה, האָבן זיי די היגע ייִדן געשלאָגן.

דער משוגענער הונט היטלער האָט אין זיך אַזאַ טײַוולאָנישן כוח, אַז ער קאָן אָנרייצן אַ ברודער אויף אַ ברודער, אַ זון אויף אַ טאַטן, זיי זאָלן זיך רײַסן ווי די וועלף און ממתן איינער דעם אַנדערן. די דײַטשע ייִדן האָבן דעם גזר אויפגענומען שטיל. די ייִדישע פּאָליציי־לײַט האָבן זיי אָפּגעפירט אויפן אומשלאַג־פּלאַץ, דאָס אָרט פון וואַנען מען האָט זיי פאַרלאַדעוועט אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען, אָן עסן, אָן טרינקען און אַוועקגעפירט אויף אומקום. דער אומשלאַג־פּלאַץ, אָדער בעסער געזאָגט, דער פּלאַץ פון פּײַן און פון טויט — איז אין די שפּעטערדיקע טעג געוואָרן דער סימבאָל פון מלאך־המות. בײַם אַרויסזאָגן דאָס דאָזיקע וואָרט איז דאָס בלוט פאַרקילט געוואָרן אין די אָדערן. דאָס האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

אָפּגעפאַרטיקט מיט די דײַטשע ייִדן, האָבן זיך די פּאָליציי־לײַט גענומען צו די אַזוי גערופענע פּונקטן, וווּ עס האָבן זיך געפונען צענדליקער טויזנטער אומגליקלעכע ייִדן, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון זייערע היימען און דאָ אונטער די פליגל פון דער וואַרשעווער קהילה אויסגעגאַנגען פון הונגער און פון טיפוס.

אַ פּונקט פאַר היימלאָזע אין וואַרשעווער געטאָ — דאָס איז אַפילו נישט געווען קיין הקדש. — אַ וויסטע נאָרע איז עס געווען, אַ ברודיקע, אַ פאַרוואָרלאָזטע, וווּ געזונטע מענטשן זענען געשלאָפן אויף איין געלעגער מיט טיפוס־קראַנקע, וווּ לעבעדיקע זענען געלעגן צוזאַמען מיט טויטע און וווּ מען האָט הונדערט מאָל אין טאָג געבעטן אויף זיך דעם טויט. די וואַרשעווער קהילה, וואָס האָט געצאַפּט געלט פון טויט און לעבעדיק, דער באַשפּײַזאַמט, וואָס זײַנע דירעקטאָרן זענען געגאַנגען אין גאָלד — האָבן אַזוי ווײַט געזאָרגט פאַר די פּונקטן, אַז די מענטשן דאָרט זענען געפאַלן ווי פליגן.

אַז מען איז אַרײַנגעקומען אין אַ פּונקט האָט מען נישט געזען קיין מענטש. לעבעדיקע מתים האָבן זיך אַרומגעדרייט, געשפּענסטער, הויט און ביינער האָט געפוילט. די דאָזיקע געשפּענסטער איז, אייגנטלעך, אַלץ איינס געווען וואָס מען וועט טאָן מיט זיי. זיי זענען סײַ ווי סײַ געווען פאַרמישפּט צום טויט. טאָ וואָס איז די נפקא־מינא וווּ זיי וועלן אומקומען? — דאָ אויפן „פּונקט", אָדער ערגעץ אין אַ וויסט פעלד? (די היטלעריסטישע הינט האָבן די דאָזיקע אומגליקלעכע ביז איינעם אויסגעשאָסן).

פון דעסט וועגן זענען געווען צווישן זיי אַזעלכע וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט נעמען: זיי האָבן זיך געוועהרט, געשריגן, אַנטלאָפן, באַהאַלטן.

דעמאָלט האָבן די ייִדישע פאָליציי־לײַט, וואָס באַשטייען דאָס רוב פון האַלבע און גאַנצע משומדים, פון נישט דערפאָרענע אַדוואָקאַטלעך, פון רײַכע סוחרישע זינדלעך, פון דער אַמאָליקער גאָלדענער יוגנט — געוויזן וואָס זיי קענען.

מיט גומענע שטעקענעס און סתם מיט שטעקנס האָבן זיי גענומען שלאָגן די אומגליקלעכע פונקטן־מענטשן מכת רצח. זיי האָבן אַוועקגעריסן די קינדער פון די מאַמעס, די מענער פון די פרויען, די טאַטעס פון די זין — די געשרייען מיט די יללות זענען געגאַנגען עד לב־השמים, אָבער אונדזער ייִדישע פאָליציי — ימח שמו וזכרו — האָט געהאַט פאַרשטיינערטע הערצער, נישט אויפגעהערט צו שלאָגן, צו ממתן, אַרויפגעפאַקט די מענטשן אויף וועגענער און אַוועקגעפירט צום באַרימטן אומשלאַגפלאַץ. אין אַזעלכע וועגענער פירט מען פאַרמישפטע צו דער תליה.

אַ ביטערע חושכדיקע נאַכט איז אַראָפגעפאַלן אויפן געטאָ. דאָ און דאָרט האָט מען געשאָסן. יעדער שאָס האָט געקאָסט אַ ייִדיש לעבן. ייִדן זענען נישט געשלאָפן, געלעגן אין קעלערס, אויף בוידעמער, געפרעגט זיך, וועמען וועט מען נעמען מאָרגן? ווי אַזוי מײַדט מען אויס דאָס אומגליק?

אין יענער נאַכט, ד״ה אין דער נאַכט פון 22טן אויפן 23טן יולי 1942, נאָך אַ באַזוך פון די היטלעריסטישע הינט בײַם פאָרזיצער פון ייִדישן ראַט, אינזש׳ טשערניאַקאָוו — בײַ וועמען זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז אויפן מאָרגנדיקן טאָג זאָל ער צושטעלן צען טויזנט ייִדן, האָט טשערניאַקאָוו אַ סוף געמאַכט צו זײַן לעבן.

עס מוז דאָ געזאָגט ווערן אַ פאָר ווערטער וועגן פאָרזיצער פון דער וואַרשעווער קהילה, אינזש׳ טשערניאַקאָוו. ער איז געווען אַ מענטש אַ גײַסטיק־אָרעמער, אַ דורכשניטלעכער, אַסימילירטער ייִדישער אינטעליגענט. דער ביטערער גורל האָט געוואָלט ער זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אין דער שפיץ פון דער גרעסטער ייִדישער קהילה אין אייראָפע, אין אַ צײַט, וואָס דאָס ייִדנטום האָט נאָך קיין מאָל נישט איבערגעלעבט. דער דאָזיקער אינזשיניער איז נישט געווען דערוואַקסן צו דער דאָזיקער גרויסער און גלײַכצײַטיק טראַגישער אויפגאַבע. ס׳איז געווען איבער זײַנע כוחות. ער האָט נישט פאַרשטאַנען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס ער האָט גענומען אויף זיך. געפירט האָט ער די וואַרשעווער קהילה ווי אַ מענטש מיט קליינע השגות און, לאָמיר זיך נישט שעמען און זאָגן, ווי אַ גרויסער פחדן. אַלץ וואָס די היטלעריסטישע באַנדיטן האָבן פאַרלאַנגט פון אים, האָט ער געטאָן. קיין מאָל נישט געוואַגט צו רעדן העכער ווי געוויינלעך, קיין מאָל נישט געפרווט אַנטקעגנשטעלן זיך כאָטש אין דער קלענסטער מאָס. ער האָט גערעכנט, אַז אַזוי אַרום וועט ער אפשר אָפראַטעווען דאָס וואָס עס לאָזט זיך אָפראַטעווען. ער האָט גאָרנישט אָפגעראַטעוועט. נישט ער און נישט אַלע איבעריקע מיטגלידער פון ייִדישן ראַט, וואָס זענען געקראָכן פאַר די דײַטשע באַנדיטן אויף אַלע פיר...

טשערניאַקאָוו איז געגאַנגען פון דער וועלט — און ווען ער איז נאָך געלעגן אַ וואַרעמער, האָבן שוין די ייִדישע פאָליציי־לײַט געבושעוועט אויף דער גאַס.

עס איז שוין פריִער דערמאָנט געוואָרן, אַז די צוויי טויזנט ייִדישע פאָליציאַנטן, מיט וועלכע דער פרעזעס טשערניאַקאָוו האָט זיך אַרומגערינגלט, זענען דאָס רוב באַשטאַנען פון רײַכע זינדלעך, וואָס האָבן זיך אײַנגעקויפט אין די פאָליציייִשע רייען פאַר גראָבע געלטער, כדי נישט געכאַפט צו ווערן אין די אַרבעטס־לאַגערן (די פאָליציי איז געווען באַפרײַט פון די לאַגערן). די אָנפירערס פון די דאָזיקע פאָליציייִשע יונגען זענען געווען איינער אַ משומד שערינסקי (זײַן אמתדיקער נאָמען איז שענקער), נאָך איינער — אַן אַדוואָקאַט לעיקין און אַ דריטער משומד שמערלינג. שוין אין די פוילישע צײַטן איז שערינסקי געווען אַ פאָליציי־אַגענט. אַז פוילן איז געפאַלן, איז ער געווען איינער פון די ערשטע וואָס האָט זיך געשטעלט צו דינסט דער היטלעריסטישער געסטאַפאָ. זײַן טיטל איז געווען „פאַניע פולקאָווניקו״. ער האָט געאַרבעט געטרײַ, מיט מסירת־נפש, מיט איבערגעגעבנקייט. ער האָט שאַנטאַזשירט ייִדן, אויסגעפרעסט געלטער, געמסרט, געכאַפט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, באַפרײַט פאַר גראָב געלט, ביז ס׳איז דערגאַנגען צו דער געסטאַפאָ אַז איר געטרײַער קנעכט שערינסקי מאַכט לינקע געשעפטן. צווישן אַ יאָ מיט אַ ניין האָט מען אים אַרעסטירט. מען האָט געשמועסט, אַז שערינסקי וועט שוין קיין מאָל די ליכטיקע שײַן נישט אָנזען.

איז געקומען דער 22טער יולי און שערינסקי האָט זיך פלוצלינג באַוויזן אויף דער פרײַ. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט פאָרגעלייגט דער געסטאַפאָ, אָדער די געסטאַפאָ האָט אים פאָרגעלייגט (דאָס קאָן מען נישט דערגיין) דורכצופירן די איבערזידלונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין וואַרשע. ער איז געוואָרן דער הויפט־קאָמיסאַר פון דער איבערזידלונג. אַ תלין איז דאָס געווען, נישט קיין קאָמיסאַר, אַ מערדער, אַ רוצח מיט אַ צלם אויפן האַלדז. ער האָט נישט געשוינט קיינעם, נישט קיין יונגן, נישט קיין אַלטן, נישט קיין קינדער, נישט קיין פרויען. ער איז אַליין אַראָפגעקומען צו פאָרן אין די גאַסן אַרײַן, אַליין געכאַפט, אַליין געשלאָגן, אַליין געממתט.

פאַר דער דאָזיקער שיינער אַרבעט, פאַרן אומברענגען דאָס גאַנצע וואַרשעווער ייִדנטום, האָט אים אַ גערעכטע האַנט (געבענטשט זאָל זי זײַן) געשיקט אַ קויל אין קאָפ אַרײַן. לײַדער האָט דער שיסער אַזוי געצילט, אַז די קויל האָט דעם מנוולדיקן משומד נישט אַוועקגעלייגט אויפן אָרט. ביז הײַנט איז ער נאָך נישט געפגרט*).

דער צווייטער מנוול איז געווען אַדוואָקאַט לעיקין. דאָס איז אַ קליין, קאָמיש מענטשל, וואָס פאַסט זיך גיכער אַרײַן אין אַ צירק, איידער צו זײַן אַן אָנפירער פון פאָליציאַנטן. און אפשר פאַסט ער זיך פאַר ביידע? ער האָט זײַן אַרבעט געטאָן מיט אַ שמייכלדיק פנים, מיט אַ לײַכט געמיט און מיט אַ ווויליונגערישן אָנשטעל. הײַנט צוגעשטעלט אַזוי פיל און אַזוי פיל „קעפלעך״, מאָרגן וועט ער צושטעלן אַזוי פיל און אַזוי פיל און חי — געלעבט. אים האָט נאָך קיין קויל נישט געטראָפן. דער דריטער מנוול הייסט שמערלינג — אַ משומד — און אַ רוצח. ער האָט געאַרבעט אויפן אומשלאַג־פלאַץ, ער האָט געהאָלפן די דײַטשע רוצחים לאַדעווען אין די וואַגאָנען אַרײַן, ער האָט געהאָלפן שלאָגן, ממתן, אויסזוכן, אויסגעפינען און ער האָט אויך טייל מאָל אויך געהאָלפן באַפרײַען אַ מענטשן. פאַר דער דאָזיקער „באַפרײַונג״ איז אים צוגעקומען אין קעשענע אַרײַן אַ האַלבער מיליאָן זלאָטעס. דער האַלבער מיליאָן איז געבליבן בײַ אים, און צו מאָרגנס האָט מען אויף דאָס ניי געכאַפט די אייגענע מענטשן, בײַ וועמען ער האָט געצאַפט געלט און ער אַליין האָט זיי אויף דאָס ניי געהאָלפן לאַדעווען אין די וואַגאָנען אַרײַן אויף אומקום, אויף פאַרניכטונג.

---

*) ווי באַקאַנט, איז שערינסקי דערשאָסן געוואָרן דורך אַ ייִדישן קעמפער, פון אַ רעוואָלווער, וואָס עס האָט ספעציעל דערצו אַרײַנגעשיקט אין געטאָ דער וואַרשעווער קאָמיטעט פון פפ״ר.

עס איז דאָ נאָך איינער, וואָס איז נישט קיין דירעקטער אָנפירער פון דער פאָליציי, אָבער ער האָט מער דעה ווי אַלע פאָליציי־אָנפירערס צוזאַמען.

זיין נאָמען איז פירסט. ער איז אַ רעוויזיאָניסט (זשאַבאָטינסקי, דריי דיך איבער אין קבר!). דער דאָזיקער פירסט האָט הייַנט די הויפט־דעה אין דער וואַרשעווער קהילה. ער טראָגט נישט קיין אָרעמבאַנד (אָפאַסקע), גייט אין שטיוול, אָן קיין נאַהייַקע רירט ער זיך נישט. אַזוי זעען אויס אַלע געסטאַפאָ־לייַט, און ער איז איינער פון יענע לייַט.

אַגב זאָל דאָ דערמאָנט ווערן צו אונדזער גרויסער בושה, צו אונדזער ביטערער קלאָג, אַז אין דער געסטאַפאָ אַרבעטן עטלעכע הונדערט ייִדן — אַלס געהיים־אַגענטן.

איז אָט, אַז די הויפט־אָנפירערס האָבן זיך אַזוי אויפגעפירט, וואָס האָבן געזאָלט טאָן די איבעריקע פאָליצייִשע הינט? זיי האָבן דאָך געמוזט ווייַזן, אַז זיי זענען געטרייַ, אַז זיי טוען זייער אַרבעט בשלימות.

איז נאָך דעם ווי מען איז פאַרטיק געוואָרן מיטן בינטל דייַטשע פליטים און מיט צענדליקער טויזנטער אומגליקלעכע פון די „פונקטן״ — האָט מען זיך גענומען צו די בעטלערס.

די געשיכטע פון די בעטלערס אין וואַרשעווער געטאָ איז איין שטיק פייַן, איין שטיק אומגליק. איך נעם זיך נישט אונטער איבערצוגעבן כאָטש אין אַ קליינער מאָס דעם חורבן, וואָס דאָס דאָזיקע צרעת האָט אָנגעמאַכט אין ייִדישן לעבן.

זיי זענען געלעגן נאַקעטע און האַלב־נאַקעטע איבער די וואַרשעווער גאַסן. נישט קיין מענטשן, נאָר וויסטע געשפענסטערס. דער טויט איז מיט זיי מיטגעגאַנגען אויף יעדן טריט און שריט. זיי האָבן געוויינט און געשריגן, געקלאָגט און געזונגען. אויף די טראָטואַרן, אין די רינשטאָקן, אויף די הייף — ווּ ס'איז נאָר געווען ערגעץ אַ לאָך — זענען געווען בעטלערס — אַלטע און יונגע, פרויען און קינדער. דאָס רוב קינדער, קינדער, קינדער! אָנהייבנדיק בייַ 3 יאָר און ענדיקנדיק בייַ 15, 16.

זיי האָבן אַליין פאַרפאַסט קלאָגלידער און קלאָגגעזאַנגען. די קלאָגלידער האָבן זיך אויף פאַרשידענע קולות געטראָגן פון אין דער פרי ביז בייַ נאַכט פון איין גאַס אין דער אַנדערער אַרייַן, פון איין הויף אין אַנדערן, פון איין שטוב צו דער אַנדערער.

בלוט האָט זיך געגאָסן פון יעדן ערלעכן מענטש, ווען מען איז דורכגעגאַנגען די גאַס און געזען וואָס די היטלעריסטישע מערדערס האָבן געמאַכט פון אונדזער פאָלק. נישט אַלע זענען געווען פראָפעסיאָנעלע בעטלערס. דער הונגער, די נויט, דער עלנט, האָט טויזנט און צענדליקער טויזנטער משפחות געברענגט צו דער דאָזיקער טרויעריקער מדרגה. די בעל־טובות אונדזערע, די כלל־טוערס, די עסקנים, האָבן געפרעסן און געזויפט. פאַרשווענדעריש געשיט מיט געלט אין פאַרדעכטיקע נאַכטלאָקאַלן, אַרומגעשלעפט זיך מיט זונות, מיט וועלכע דאָס געטאָ האָט געווימלט — און די בעטלערס זענען געפאַלן ווי פליגן. געלעגן אין די גאַסן טויטערהייט עטלעכע טעג צוגעדעקט מיט פאַפיר ביז מען האָט זיי אויפגערוימט. דאָס שרעקלעכסטע זענען געווען די טויטע קינדער, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן ווי געהרגעטע קעץ.

צו זיי, צו די בעטלערס הייסט עס, האָט זיך אויפן צווייטן, צי אויפן דריטן טאָג פון גירוש גענומען די ייִדישע פאָליציי. מען האָט זיי געכאַפט אין די גאַסן, ווי מען כאַפט הינט. נאָכגעיאָגט זיי, ווי דער הינטשלעגער יאָגט נאָך זייַנע קרבנות. זיי האָבן זיך געפרוּווט אויסבאַהאַלטן אין די חורבות פון די באָמבאַרדירטע הייַזער, אין די אָפטריטן, אין די מיסטקאַסטנס, אין די קוימענס אויף די דעכער, אָבער דער הונגער איז געווען שטאַרקער פון זיי. ער האָט זיי אַרויסגעטריבן אין די גאַסן אַרייַן, און דאָ האָט שוין געוואַרט אויף זיי דעם „פּאָלקאָווניק״ שערינסקיס באַנדע. מען האָט זיי אַרויפגעוואָרפן אויף די תליה־וועגענער, ווי מען וואַרפט אַרויף געשטאָרבענע נבלות. דערבייַ געשלאָגן און געממתט.

דאָס אַלץ איז געגאַנגען אויפן אומשלאַג־פלאַץ.

זעקס טויזנט ייִדן אַ טאָג, האָבן זיך די היטלעריסטישע הינטשלעגערס געהייסן צושטעלן. און דער פאַן „פאָלקאָווניק״ שערינסקי צוזאַמען מיט לעיקין און שמערלינגען האָבן זיך אונטערגענומען צוצושטעלן נישט זעקס, נאָר גאַנצע צען טויזנט אַ טאָג.

אַ ווילד אַכזריותדיק געיעג, עפעס אַ משוגענער שדים־טאַנץ, וואָס מען קאָן עס גאָרנישט איבערגעבן מיט מענטשלעכע ווערטער. אַצינד איז עס געמאַכט געוואָרן אויף אַן אַנדערן אופן: פון איין זייַט האָט מען געכאַפט אין די גאַסן, און פון דער אַנדערער זייַט האָט מען גענומען אָפשליסן גאַנצע גאַסן און בלאָקירן הייַזער. פאַר טאָג האָט עס זיך אָנגעהויבן, עס זאָל קיינער נישט האָבן קיין צייַט אַרויסצוראַטעווען זיך.

אָט איז אַ בילד: די גאַנצע גאַס איז טויט. אַלץ ליגט ערגעץ ווּ באַהאַלטן, פאַרמאַכט און פאַרשטיקט. אַלץ וואַרט מיט אַן אייַנגעהאַלטענעם אָטעם, מיט טויטשרעק אין די אויגן אויפן פינצטערן גזר, וואָס איז אויסגעגאָסן געוואָרן. און פלוצלינג אַ וויסט געשריי, אַ געפייַפערייַ און אַ יאָגעניש.

דאָס זענען די ייִדישע הינט אַרייַנגעפאַלן אין אַ הויף, ווי טשינגיס־כאַנס האָרדעס, און מיט ווילדע, שכורע קולות גענומען שרייַען, אַז אַלע אייַנוווינערס זאָלן אַראָפגיין אויפן הויף. אַלע — יונג און אַלט, גרויס און קליין, אָרעם און רייַך. מען זאָל זיך שטעלן איינער אונטערן אַנדערן, לויט דער ריי, וועט מען נאָכזען זייערע דאָקומענטן. ווער ס'האָט די דאָקומענטן אין אָרדענונג, דער וועט בלייַבן אויפן אָרט.

בלויז מיט געשרייען און מיט פייַפערייַ האָבן זיי זיך נישט באַנוגנט, די ייִדישע געסטאַפאָ־לייַט, זיי זענען געלאָפן איבער אַלע שטאָקן, אַרויסגעשלעפט פון די שטיבער, אַראָפגעשלעפט פון די בוידעמער, פון די קעלערס און... אָנגעהויבן האַנדלען. פאַר געלט האָט מען זיך געקאָנט אויסקויפן. אין די ערשטע טעג איז דער פרייַז פון אַ „קאָפ״ געווען פון 50 ביז 100 זל.

שפעטער האָט עס געשטיגן אויף 500 זל. דערנאָך אויף טויזנט און הייַנט, ווען איך שרייַב די שורות, קאָסט שוין אַ „קאָפ״ פינף טויזנט זלאָטעס. אַנדערע ווילן אין גאַנצן נישט קיין געלט. זיי פאַרלאַנגען — בריליאַנטן, גאָלדענע דאָלאַרס און דעסגלייַכן. די דאָזיקע רייַכע זינדלעך האָבן שוין הייַנט אַזוי פיל אָנראַבירט און אָנגעגנבעט, אַז קיין קלענערע מטבע ווי פינף הונדערט זלאָטעס איז בייַ זיי נישטאָ.

אָט איז אַ סצענע, ווי אַזוי דאָס כאַפעניש און יאָגעניש איז פאָרגעקומען.

נישט אַלע איינוווינערס האָבן געוואָלט פאַרלאָזן די שטובן. ווער ס'האָט זיך פאַרריגלט, ווער ס'האָט זיך באַהאַלטן און ווער ס'האָט זיך דורכן בוידעם אַרויפגעקריגן אויפן דאַך. צווישן די, וואָס האָבן זיך אַרויפגעקריגן אויפן דאַך איז אויף נאָוואָליפיע־

גאַס אויך געווען אַ יונגע פרוי. די פּאָליציאַנטן האָבן זי באַמערקט. האָט איינעם דאָס האַרץ נישט געלאָזט רוען און ער האָט דווקא געוואָלט ברענגען פאַר אַ קרבן אויף היטלערס מזבח. ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ הייליקן חוב, היטלער האָט באַפוילן אויסצומאָרדן ייִדן דורך ייִדישע הענט — מוז עס אַ ייִדישער פּאָליציאַנט מקיים זײַן.

האָט ער זיך געלאָזט לויפן פון איין שטאָק אויפן אַנדערן, אַרויף אויפן בוידעם, פון בוידעם — אויפן דאַך און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף לעבן און אויף טויט צווישן דעם פּאָליציאַנט און דער יונגער פרוי.

דער דאַך איז שיף. דאָס הויז האַלט פיר שטאָק. די זון ברענט. די בלעך בריט. דער פּאָליציאַנט האָט נישט קיין געווער (קיין רעוואָלווערן האָט זיי היטלער נישט געגעבן), ער האָט בלויז אַ גומענעם שטעקן. מיטן דאָזיקן שטעקן פאַרמעסט ער זיך אויף דער פרוי. ער שרײַט זי זאָל אַראָפּגיין. ער וועט זי דאָ דערהרגענען אויפן דאַך.

— קאָנסט מיך דערהרגענען — ענטפערט די פרוי — און אַראָפּגיין וועל איך נישט.

ער שאַרט זיך צו איר. ער כאַפּט זי אָן. עס דאַכט זיך, אַז דער דאַך איז שיפער געוואָרן. און איין מינוט קאָנען ביידע ליגן אויפן ברוק מיט צעשמעטערטע געהירן. די פרוי איז גרייט אויפצונעמען דעם טויט. אָבער מיטן גוטן ווילן וועט זי פון דאַך נישט אַראָפּגיין. דעם „געטרײַען" פּאָליציאַנט איז אויך אַ שאָד דאָס לעבן. ער זידלט און שעלט. ער שפּײַט מיט דער גרינער גאַל. אָבער פון דאַך אַראָפּנעמען דעם קרבן זײַנעם קאָן ער נישט.

דאָס ווילדע ראַנגלעניש האָט געדויערט איבער אַ שעה. אונטן, אויפן הויף, האָבן די חברים זײַנע דערווײַל אויסגערוימט דאָס גאַנצע הויז. ווער ס'האָט געהאַט געלט האָט זיך אויסגעקויפט, ווער ס'האָט נישט געהאַט קיין געלט האָט געמוזט אַרויף אויפן תליה־וואָגן. דאָס הויז איז געוואָרן וויסט און לער. פון די אַרויסגערוימטע שטובן האָט געיאָגט מיט אומגליק און מיט עלנט. אַ קינד האָט זיך באַהאַלטן — האָט מען אָוועקגעריסן די מאַמע. אַ מאַמע האָט זיך ערגעץ ווּ פאַרשטעקט, האָט מען אָוועקגעריסן דאָס קינד. די מאַמע לויפט אַרום משוגענערהייט. זי פליקט די האָר פון קאָפּ. ס'איז איר איבערגעבליבן אַ ליידיק וויגל. די פרוי פון דאַך איז שוין אַצינד אויפן הויף. זי האָט זיך דערווײַל אָפּגעראַטעוועט, אָבער איר טאַטן האָט מען צוגענומען, איר מאַמע האָט געקריגן אַ האַרצשלאַק און ליגט אַ טויטע.

און וואָס האָבן די ייִדישע באַנדיטן געוואָלט פון אַ גרײַז־גרויען ייִד, וואָס האָט קוים געשלעפּט מיט די פיס און קוים געאָטעמט?

זיי האָבן אים אַרויסגעשלעפּט צוזאַמען מיטן ווײַב — אַ צעבראָכענעם שאַרבן. דער ייִד, אויפן ערשטן בליק ענלעך צו אַ דין — האָט נישט באַוויזן אָנצוטאָן דאָס היטל. ער איז געגאַנגען אין אַ קאַפּל — טויט ווי די וואַנט, הענט און פיס האָבן געציטערט. דאָס ווײַב האָט מען געמוזט טראָגן. זי איז געלעגן, ווי אַ געשטאָרבענע, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַראָפּ. דער גרײַז־גרויער ייִד האָט נישט געקאָנט גיין. האָט אַ ייִדישער מנוול אים געשלאָגן איבערן קאָפּ מיט אַ גומענעם שטעקן. מערדערלעך געשלאָגן, געשטופּט, געוואָרפן פון איין ווינקל אין אַנדערן אַרײַן און סוף־כל־סוף געמוזט אים אַרויפזעצן אויף אַ ריקשע. אויף דער ריקשע האָט דער אַלטער דין אויסגעהויכט די נשמה. ער איז געבליבן ליגן אין מיטן גאַס, ווי אַ הרוג. מרדכי פינקערטס עגלה־וואָגן האָט אים צוגענומען. די עגלה־ייִדן, וואָס זייער אַרבעט איז געווען צו באַזוכן די דערשאָסענע און צוצונעמען וואָס דער קרבן האָט פאַרמאָגט, האָבן דאָס מאָל די אונטערזוכונג נישט געמאַכט. זיי האָבן שוין דערקאָנט, אַז דער דערהרגעטער איז געווען אַן אָרעמאַן אין זיבן פּאָלעס און ס'האָט נישט געלוינט אײַנצוריסן זיך די הענט.

אויף אַן אַנדער אָרט איז אַ פרוי געפאַלן אין חלשות. האָט דער מערדערישער פּאָליציאַנט זי געמינטערט מיט וואַסער. אָפּגעמינטערט און ווײַטער זי געפירט. עטלעכע מאָל האָט די פרוי געחלשט. דער פּאָליציאַנט איז נישט אָפּגעטרעטן. געמינטערט, געשלאָגן, ביז ער האָט זי דערפירט אויפן אומשלאַגפּלאַץ און איבערגעגעבן זי אין די הענט פון די דײַטשע תלינים.

דאָס זענען עטלעכע קליינע בילדלעך פון דעם וויסטן אומגליק, וואָס האָט געטראָפן דאָס וואַרשעווער ייִדנטום. די, וועמען דאָס אומגליק האָט נאָך נישט געטראָפן, בעטן אויף דער נאַכט. זאָל זי שוין צופאַלן, די נאַכט. זאָל מען זיך אַ ביסל אָפּרוען, זאָל מען כאַפּן דעם אָטעם, ווײַל מאָרגן 5 אַ זייגער אין דער פרי הייבט זיך אָן אַ נײַער תשעה־באָב און אַ נײַער יום־כפּור.

און אָט איז געקומען דער פרימאָרגן דער דריטער, צי דער צענטער, וואָס איז די נפקא־מינא? און שוין טראָגט זיך איבער אַלע הײַזער די בשורה, אַז אויף קאַרמעליצקע קאָן מען נישט גיין, די לעשנע איז בלאָקירט, די נאָוואָליפּיע פאַרמאַכט. הײַנט האָבן די דײַטשן פאַרלאַנגט מען זאָל זיי צושטעלן גאַנצע צען טויזנט ייִדישע קעפּ.

אַלע צוויי טויזנט פּאָליציאַנטן האָבן זיך מאָביליזירט. יעדער איינער האָט געקריגן אַ באַפעל צוצושטעלן פינף קרבנות.

האָט מען געדאַרפט זען, וואָס ס'איז פון די ייִדישע פּאָליציאַנטן געוואָרן. מוז זײַן, אַז זיי זענען משוגע געוואָרן. ווײַל אַזאַ ווילדקייט, אַזאַ אכזריות זעט מען נישט אפילו בײַ די גרעסטע רוצחים. עס העלפט נישט קיין געוויינען, עס העלפן נישט קיין געשרייען. מאַמעס קושן די טריט פון די באַנדיטן און ווילן ראַטעווען זייערע קינדער. אָבער די באַנדיטן ווייסן שוין אַליין נישט וואָס עס טוט זיך מיט זיי. זיי שלעפּן קראַנקע פון די בעטן, וואַרפן קינדער פון וויגן. אַלטע לײַט פירט מען אויף וועגעלעך. מען יאָגט, מען טרײַבט, מען שלאָגט מכת רצח.

איז דאָס נאָך אַלץ ווייניק, האַקט מען אויף פאַרמאַכטע שטובן מיט העק און מיט האַמערס.

בלוט האָט גערונען פון יעדן איינציקן, ווען ער האָט צוגעזען, ווי די ייִדישע באַנדיטן זענען געגאַנגען אָנגעלאָדן מיט העק, אַזוי ווי די קײַלער־יונגען, מיט האַמערס, מיט שליסלען. נישטאָ קיין איין שטוב אין געטאָ, ווּ די ייִדישע באַנדיטן זאָל נישט האָבן אויפגעהאַקט די טיר. אויב זיי האָבן קיין מענטשן אין די פאַרמאַכטע שטובן נישט געפונען, האָבן זיי אויפגעריסן די שענק, די שופלאָדן און וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט האָט מען גערויבט.

אין די שפּעטערדיקע טעג האָבן דאָס אויך געטאָן די דײַטשע רוצחים צוזאַמען מיט די אוקראַיִנער באַנדיטן, וועמען מען האָט גענומען צו הילף.

וויסט און שרעקלעך זעען אויס די שטיבער, פון וואַנען מען האָט אַרויסגעפירט די קרבנות. אויב מען זאָל עס אָנרופן — פּאָגראָם — וועט עס זײַן שוואַך, צו איידל.

פאַרניכטונג, אונטערגאַנג, דורות מענטשלעך לעבן וואַלגערט זיך אין די אויפגעפליקטע איבערבעטן, אין די צעהאַקטע שענק, אין די צעטרענטע קישנס, אין די שטיקער מעבל, וואָס פון יעדן

אבר ווײנט אַרויס פּײַן און געשריי. אין די ליידיקע וויגן, אין די אָפּגעשיילטע ווענט, אין די פּיאַנעס, וואָס מען האָט געוואָרפן פון די פענצטער, אין די וויסטע, ליידיקע טעפּ, חורבן, אומקום.

מען פאַרקריצט מיט די ציין און מען קאָן זיך גאָרנישט העלפן.

אָבער פרעגן מוז מען דאָך: געוואַלד געשריגן, ווי האָבן זיך די דאָזיקע יונגעלײַט דערצויגן, פון וואַנען נעמט זיך די ייִדישע טאַטעס זין מיט אַזאַ מערדעריש בלוט, וועלכע ייִדישע מאַמעס האָבן זיי געזויגן? נישט אַנדערש, נאָר די טאַטעס זענען געווען רוצחים און די מאַמעס זונות.

מיט אַלע כוחות און מיטן גאַנצן האַרץ האָט זיך די ייִדישע פּאָליציי באַמיט צופרידן צו שטעלן דעם מערדערישן האַר, וואָס האָט געשוואוירן אויסצוואָרצלען דאָס ייִדנטום.

ס'איז אָבער, ווײַזט אויס, געווען ווייניק. די ייִדישע מערדערס האָבן נישט צוגעשטעלט דעם גאַנצן קאָנטינגענט, וואָס היטלערס הינט האָבן פאַרלאַנגט. האָט זיך די געסטאַפּאָ אַליין מטריח געווען און אַרײַנגעמישט זיך אין ענין.

זי האָט גענומען צו הילף די אייגענע ייִדישע פּאָליציי מיט אַ צולאָג פון אוקראַיִנישע באַנדיטן... דאָס זענען די שוידערלעכסטע אויסוואָרפן, די העסלעכסטע קרעאַטורן. זיי האָט דאָס די געסטאַפּאָ גענומען צו הילף. מיט רעוואָלווערן און ביקסן, מיט נאַהײַקעס און בײַטשן — איז מען געקומען אין געטאָ אַרײַן מאַכן אָרדענונג.

און דאָ הייבט זיך אָן אַ נײַ קאַפּיטל, דאָס בלוטיקסטע קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון וואַרשעווער געטאָ.

אויב די ייִדישע פּאָליציאַנטן זענען געקומען אין די הייף אַרײַן מיט געשריי און פײַפערײַ, האָבן די דײַטשע רוצחים געגעבן צו וויסן וועגן זיך מיט אַ געשיסערײַ פון רעוואָלווערן.

זיי צוזאַמען מיט די ייִדישע געסטאַפּאָ־לײַט, זענען אַרײַנגעפאַלן, ווי טײַוולאָנים, ווי ווילדע שטיקער פײַער, ווי אָנגעשכורטע חיות און נישט געשריגן האָבן זיי, נאָר געבילט, ווי משוגע־געוואָרענע הינט.

די דײַטשן זענען אין די שטובן אַרײַן נישט געגאַנגען, אויף בוידעמער נישט געזוכט, אין די קעלערן אַרײַן נישט אַראָפּגעלאָזט זיך. די דאָזיקע מלאכה האָבן אויסגעפירט די ייִדישע פּאָליציאַנטן צוזאַמען מיט...

די דײַטשע הינט האָבן בלויז געשאָסן און געשריגן. דאָס דאָזיקע ווילדע, שכורע געשריי איז אפשר געווען שרעקלעכער, ווי דאָס שיסערײַ. טירן האָבן זיך אַליין אויפגעפּראַלט. מענטשן, וואָס האָבן באַשלאָסן נישט צו רירן זיך פון אָרט, וויסנדיק אַז אַזוי אַרום וואַרט אויף זיי דער טויט, זענען אין דער לעצטער מינוט אויך ווילד און שכור געוואָרן. זיי זענען אַראָפּגעפאַלן נאַקעט און באָרוועס, אָן אַ שטיקל ברויט, אָן אַ ביסל וואַסער און איבערגעגעבן זיך אין די הענט פון ברוינעם מלאך־המות.

אויב אימעצער איז פאָרט געווען מישובדיק און באַהאַלטן זיך, האָט די ייִדישע פּאָליציי געוווּסט פון אַלע באַהעלטענישן. זי האָט אויסגעזוכט און אויסגעפונען די באַהאַלטענע — דאָס רוב פרויען און קליינע קינדער — און אַזוי ווי שיסן האָט זי נישט געהאַט מיט וואָס, זענען איר צו הילף געקומען די אוקראַיִנישע מערדערס. אַ קויל אין קאָפּ אַרײַן און עס פאַלט אַ מאַמע, עס פאַלט אַ קינד. עס פאַלט אַ טאַטע מיט אַ זון, און עס פאַלט אַ זקן. דאָרט אַ יונגבליִענדיק מיידל — און עס איז פול דאָס בעט מיט בלוט, ווו ס'איז געלעגן אַ קראַנקע און נישט געקאָנט אויפהייבן זיך.

די שטוב און יענע שטוב, די צענטע און די הונדערטסטע שטוב גייט איבער פון בלוט און פון הרוגים. אויסער די אוקראַיִנישע באַנדיטן העלפן אויך צו די דײַטשע מערדערס. מען האַקט טירן. מען רויבט, מען גזלט, מען רײַסט אויף איבערבעטן, מען טרעט אויף הרוגים — אַלע צוזאַמען טוען די שיינע אַרבעט: די דײַטשן, די אוקראַיִנער און אונדזערע אייגענע ברידער, אַז אָך און ווי צו די מאַמעס וואָס האָבן זיי אויסגעטראָגן.

ס'איז שוין דער צענטער, דער צוואָנציקסטער טאָג און די מגפה בושעוועט מיט יעדן טאָג שטאַרקער, מיט יעדן טאָג אכזריות־דיקער. ס'איז נישטאָ קיין שום אײַנזען, קיין שום רחמנות. אַלע אַנדערן טאָג באַווײַזט זיך אויף די מויערן אַ פרישער פּלאַקאַט, אונטערגעשריבן דורך דער לייטונג פון דער ייִדישער פּאָליציי, אַז די אַקציע (אַזוי האָט עס געהייסן) דויערט ווײַטער. זאָל מען נישט, חלילה, מיינען, אַז דאָס אומגליק האָט זיך אָפּגעשטעלט. די ייִדישע פּאָליציי גיט צו וויסן, אַז אויב עמעצער וועט זיך מעלדן פרײַוויליק אויפן אומשלאַגפּלאַץ, וועט ער קריגן בחינם דרײַ קילאָ ברויט און ער וועט נישט צעשיידט ווערן מיט דער משפּחה.

אַ סך, וואָס זענען געווען באַהאַלטן און דער הונגער האָט זיי געפּײַניקט, אַנדערע ווידער, וואָס האָבן שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן, האָבן פאַרפּאַקט אַ העמד, אַ האַנטעך, אַ בערשטל צו די ציין און מיט ווײַב און קינד איבערגעגעבן זיך די שוחטים.

אויפן אומשלאַגפּלאַץ, אויפן דאָזיקן גיהנם וועגן וועלכן ס'וועט מיר ווײַטער אויסקומען צו דערציילן, האָט מען דעם און יענעם די דרײַ קילאָ ברויט געגעבן, אָבער באַלד אויפן אָרט האָט מען אָוועקגעריסן דעם מאַן פון ווײַב, דאָס קינד פון דער מאַמען, די שוועסטער פון ברודער — געטאָן האָט מען עס מיט אַ געשיסערײַ, פון וואָס עס זענען געפאַלן מענטשן ווי פליגן. מיט אַ ווילד שמײַסן — האָט מען די מאַמע פאַרלאַדעוועט אין איין וואַגן אַרײַן און דאָס קינד אין אַנדערן. אָדער מען האָט דאָס קינד פאַרלאַדעוועט אָן דעם טאַטן, אָדער די מאַמע איבערגעלאָזט וואַרטן אויף אַ צווייטן צוג.

יעדן טאָג האָט מען אַוועקגעשיקט פון פינף ביז צען טויזנט מענטשן. וווּהין מען האָט זיי געשיקט ווייסט קיינער נישט. ביזן הײַנטיקן טאָג איז נישט אָנגעקומען קיין שום ידיעה פון די אומגליקלעכע. דאָ און דאָרט גיט מען זיך איבער, אַז אַלטע לײַט וואַרפט מען אַראָפּ אין מיטן וועג און אָדער זיי ווערן אַליין דערהרגעט, אָדער מען שיסט זיי אויס. קינדער ברענגט מען אום מיט גאַזן אָדער מיטן עלעקטרישן שטראָם.

פאַר די דײַטשע תלינים איז דאָס אָבער נאָך אַלץ ווייניק.

די ייִדישע גזע מוז אויסגעראָטן ווערן ביזן וואָרצל, ביזן ביין. עס טאָר נישט בלײַבן פון איר דאָס מינדסטע. און מיטלען דערצו האָבן די היטלעריסטישע הינט אַ סך. אויסטערלישע מיטלען, שרעקלעכע מיטלען, וואָס קיין שום אינקוויזיציע האָט פון זיי אפילו נישט געחלומט.

אָט הערט: דאָס וואַרשעווער געטאָ האָט זיך געטיילט אויף צוויי טיילן: אויפן גרויסן געטאָ, ד"ה אויפן לעשנער־נאַלעווקעס־ראַיאָן — און אויפן קליינעם געטאָ — ד"ה אויפן ראַיאָן פון טוואַרדע־גאַס.

אין קליינעם געטאָ האָבן געוווינט אַן ערך פון הונדערט ביז

הונדערט פינף און צוואַנציק טויזנט ייִדן. זיי זענען געווען צוזאַמענגענומען אויף איין אָרט און אומברענגען זיי איז פאַר די פּרייַסישע הינט נישט געווען פון די שווערע זאַכן. איז נאָך דעם, ווי מען האָט שוין געהאַט דאָרט אויסגערוימט און אומגעברענגט אַ פופציק אָדער זעכציק טויזנט ייִדן — איז אַרויס אַ באַפעל, אַז ביז מאָרגן 6 אַ זייגער אין דער פרי מוזן אַלע ייִדן פאַרלאָזן דאָס קליינע געטאָ. די טירן פון די שטובן מוזן בלייַבן אָפן. יעדער ייִד, וואָס וועט בלייַבן אין קליינעם געטאָ נאָך 6 אַ זייגער אין דער פרי, וועט דערשאָסן ווערן.

דער פּלאַקאַט איז געווען אונטערגעשריבן דורך דעם ייִדישן ראַט, ד״ה דורך דער ייִדישער קהילה.

אַגב מוז דאָ באַמערקט ווערן, אַז אָנהייבנדיק פון 22טן יולי 1942, זענען אַלע פּלאַקאַטן, אַלע גזרות, אונטערגעשריבן געוואָרן אָדער דורך דעם ייִדישן ראַט, אָדער דורך דער לייטונג פון דער ייִדישער פּאָליציי. די דייַטשע אָקופּאַציע־מאַכט האָט נישט אונטערגעשריבן קיין איין פּלאַקאַט, קיין איין פאַראָרדענונג. די היטלעריסטישע הינט, וויסנדיק אַז סוף־כל־סוף וועט קומען אויף זיי אַ שוואַרצער מישפּט, האָבן נישט געוואָלט איבערלאָזן נאָך זיך קיין שריפטלעכע סימנים. זאָל מען שפּעטער זען, אַז נישט זיי האָבן דורכגעפירט דעם וויסטן גירוש, נאָר די ייִדישע קהילה אַליין.

דאָס איז אויך איינס פון די מערדערישע, ראַפינירטע מיטלען, מיט וואָס די משוגענע בעסטיע — היטלער, באַנוצט זיך.

איז ווען די גזרה האָט זיך באַוויזן אויף די מויערן האָט געקאָנט זייַן אַרום 6 אַ זייגער פאַר נאַכט. גיין אין גאַס האָט מען געמעגט נאָר ביז 9 אין אָוונט. פאַר פינף אין דער פרי האָט מען זיך אויך נישט געטאָרט באַווייַזן אין גאַס — איז ווען זאָל מען זיך אַרויסציִען? און וווּהין זאָל מען זיך ציִען? מען דאַרף עפּעס מיטנעמען אויך: אַ קישן, אַ העמד... אַ ברויט... און וואָס טוט מען מיט די רעשט זאַכן? אָנגעהאָרעוועט אַ לעבן און איצט איבערלאָזן אַלץ אויף הפקר?!

די גרעסטע שרפה מאַכט נישט אַן אַזאַ חורבן, אַזאַ פאַרוויסטונג, ווי ס׳האָט אָנגעמאַכט די דאָזיקע שוואַרצע גזרה.

אויב איך וועל זאָגן אַז די מענטשן זענען ווילד געוואָרן, וועט עס זייַן צו שוואַך געזאָגט. ערגער ווי חיות זענען זיי געוואָרן, ערגער ווי משוגענע קעץ. אַ זון האָט געשאָלטן און געשלאָגן אַ טאַטן, אַ מאַמע האָט געוואָרפן איר קינד פון פענצטער, איר אויסגעטראָגן און אויסגעוויינט קינד. און אַליין זיך מיטגעוואָרפן. איינער בייַם אַנדערן האָט גערויבט, איינער דעם אַנדערן האָט געוואָלט אומברענגען. מען האָט געלאָזט ליגן קראַנקע קינדער און מען איז אַנטלאָפן. מען האָט געלאָזט ליגן גוססדיקע מאַמעס און מען איז אַנטלאָפן. קינדער האָבן געברענגט סם פאַר זייערע אייגענע אַלטע טאַטע־מאַמע, די טאַטע־מאַמע זענען דאַנקבאַר געווען די קינדער, ווי מען איז דאַנקבאַר פאַר דער טייַערסטער מתנה.

יעדער איינער האָט עפּעס געוואָלט מיטנעמען, מיטכאַפּן. און וואָס מער מען האָט געוואָלט כאַפּן, מער האָט מען איבערגעלאָזט. מען האָט אַלץ איבערגעלאָזט: שווערע פּראַצע און ביטערן שווייס, וואָס מען האָט אויסגעהאָרעוועט אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן, און אפשר גאָר פון הונדערטער יאָרן. יעדעם חפץ, יעדער קלייניקייט אין שטוב איז געווען טייַער. ס׳האָט דערמאָנט אין זיידעס, אין טאַטעס, אין דורות גאַנצע, וואָס האָבן געהאַט דאָס מזל אַ ביסל אַנדערש צו לעבן.

ביז 9 אַ זייגער אין אָוונט איז נאָך פאַרבליבן אַ שעה אַנדערטהאַלבן: מען האָט נאָך געקאָנט עפּעס אָפּראַטעווען. אָבער די מענטשן האָבן שוין גענומען לויפן — וווּהין? דערווייַל אין גרויסן געטאָ אַרייַן: צו קרובים, צו באַקאַנטע, גלאַט אין פרעמדע הייַזער אַרייַן, איבערצונעכטיקן אין הויף, אויף די שטיגן, אין טויער.

מחנות מענטשן מיט משוגענע אויגן, מיט ווילדע פּנימער זענען געלאָפן, ווי אונטערגעצונדענע, ווי געיאָגטע פון אַ פינצטערער מגפה.

איז דאָס אַלץ נאָך קנאַפּ געווען. די היטלעריסטישע הינט האָבן נישט פאַרגונען, די ייִדן זאָלן גלאַט אַזוי לויפן. דאָס וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט דאָס גאַנצע האָב און גוטס — דאָס איז גאָרנישט. אַזוי גרינג וועט זיי דאָס לויפן נישט אָנקומען. מען דאַרף זיי ווייַזן, די פאַרשאָלטענע ייִדן, ווי אַזוי צו לויפן.

האָט זיך פון איין זייַט אָנגעהויבן אַ שיסערייַ אויף די לויפנדיקע און פון דער צווייטער זייַט אַ ווילד געיעג. ווער ס׳איז נישט געפאַלן פון דער היטלעריסטישער קויל, דער איז געכאַפּט געוואָרן אויפן אומשלאַגפּלאַץ. די יללות און די קלאָגן זענען געגאַנגען עד לב השמים. די הימלען האָבן געשוויגן און ווי אויף להכעיס אויסגעלייַטערט. צוגעקוקט זיך ווי אַזוי מענטשן אין געשטאַלט פון ווילדע חיות יאָגן און שיסן אויף אַנדערע מענטשן, אומשולדיקע, געטריבענע פון פּייַן, פון שרעק, פון משוגעת.

די קויל איז בלינד, זי לויפט און טרעפט. האַלט אַ מאַמע אַ קינד — פאַלט די מאַמע און דאָס קינד קלאָגט אַ יאָמערלעכע קלאָג. אָט פאַלט אַ קינד און די מאַמע ווערט נישט משוגע און לויפט ווייַטער. אַ טאָכטער לאָזט איבער אַ דערשאָסענעם טאַטן און וויל ראַטעווען איר אייגן לעבן. אַ מאַן וויל ראַטעווען אַ ווייַב און אין דער לעצטער מינוט גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט און לויפט. אַזוי טוט אויך אַ ווייַב, אַזוי טוט אויך אַ שוועסטער, אַ ברודער — ס׳איז הפקר געוואָרן דאָס אייגענע בלוט, מכל־שכן דאָס בלוט פון אַ שכן, פון אַ פרייַנד און אוודאי פון אַ פרעמדן.

בייַ דער געלעגנהייט זאָל דאָ דערציילט ווערן וועגן איין געשעניש, וואָס פון איין זייַט ווערט דערפון דאָס בלוט פאַרקילט אין די אָדערן און פון דער אַנדערער זייַט איז עס אַ שטיקל טרייסט, אַז דאָס פּינטעלע מענטש איז נאָך נישט בייַ אַלעמען אויסגעלאָשן געוואָרן.

אויף שעננע־גאַס נומ׳ 16, אויף איינער פון די גאַסן אין קליינעם געטאָ, האָט זיך געפונען אַ יתומים־הויז, אָנגעפירט פון באַקאַנטן פּויליש־ייִדישן שריפטשטעלער יאַנוש קאָרטשאַק.

יאַנוש קאָרטשאַק (אַ ייִד — זייַן אמתער נאָמען איז גאָלדשמידט) — אַליין אַ מעדיצינער, האָט זייַן גאַנץ לעבן געווידמעט דער דערציִונג פון קינדער. ער האָט געשריבן פּרעכטיקע ביכער וועגן קינדער און פאַר קינדער. ער האָט געהיילט קינדער און איז אויך געווען דער גייַסטיקער מנהיג פון יתומים־הויז אויף קראָכמאַלנע, וואָס האָט געשמט נישט בלויז אין וואַרשע, נאָר אין גאַנץ פּוילן.

אויפשרייַבן די וווּנדערלעכע לעבנס־געשיכטע פון יאַנוש קאָרטשאַק, פון דאָזיקן איידעלן מאַן און פּרעכטיקן שרייַבער, וואָלט באַדאַרפט פאַרנעמען אַ גאַנץ בוך. נישט דאָ איז דאָס אָרט און נישט איצט איז די צייַט. איך וויל בלויז דערמאָנען, אַז אין די גרעסטע געפאַרן, ווען ס׳האָט אים פּערזענלעך געדראָט אומקום פון די דייַטשע הינט, האָט ער זייַן יתומים־הויז נישט פאַרלאָזט און געבליבן מיט די קינדער.

ווען היטלער, ימח שמו וזכרו, האָט אייַנגעפירט אין וואַרשע

אַ געטאָ, איז קאָרטשאַקס יתומים־הויז איבערגעטראָגן געוואָרן אויף שעננע 16. דאָ האָט ער ווײַטער געפירט זײַן שיינע אַרבעט און דאָ איז ער אויך געפאַלן צוזאַמען מיט די קינדער.

אַן ערך פון צוויי הונדערט קינדער, קײַלעכדיקע יתומים, האָבן זיך דערצויגן אין דאָזיקן הויז. וואַרשע האָט געהונגערט, אָבער קאָרטשאַק האָט פאַר זײַנע קינדער געקראָגן שפּײַז פון אונטער דער ערד. זיי זענען געווען געצוואָגן און געוואַשן, ריין אָנגעטאָן, געגעסן צו דער זעט, געשלאָפן אויף ריינע געלעגערס, און פּונקט ווי אַלע ייִדן — גערעכנט, אַז מען וועט דעם משוגענעם דײַטשן הונט איבערלעבן און זען זײַן וויסטע מפּלה.

איז געפאַלן דער פינצטערער גזר וועגן אַרויסשיקן אַלע ייִדן פון וואַרשע, און די ערשטע קרבנות זענען געווען די אומשולדיקסטע פון אַלע אומשולדיקע, די קינדער.

יאַנוש קאָרטשאַק האָט זיך אויף דעם אומגליק געריכט. עס זענען אָנגעקומען ידיעות פון אַנדערע קינדער־אינטערנאַטן, ווו מען האָט אויסגערוימט אַלע קינדער און אָן השגחה, אָן טאַטן און אָן מאַמען — אָן אַ ביסל וואַסער און אָן אַ שטיקל ברויט — אַוועקגעפירט אויפן אומשלאַגפּלאַץ און פון דאָרט צום טויט. אַלע קינדער זענען אויפן וועג (מען ווײַזט אָן אויף דעם שטראָפלאַגער — טרעבלינקע) אומגעבראַכט געוואָרן דורך פאַרסמען מיט גאַז, אָדער דורכן עלעקטרישן שטראָם.

יאַנוש קאָרטשאַק האָט זײַנע צוויי הונדערט קינדער נישט געוואָלט איבערלאָזן אויף הפקר. ער האָט זיך אויך נישט באַהאַלטן אָדער אַנטלאָפן, ווי ס'האָבן געטאָן אַנדערע פירערס פון די קינדער־אינטערנאַטן. מיט אַ טאָג צי מיט צוויי טעג פריִער, איידער די בלאָקאַדע אויף שעננע 16 האָט זיך אָנגעהויבן, האָט ער געהייסן אַלע קינדער זיי זאָלן זיך אַרומוואַשן פון קאָפּ ביז די פיס, אָנטאָן קלאָרע יאַקעלעך און העמדלעך. יעדער קינד האָט געהאַט אַ טאָרבעלע אויף ברויט און אַ פלעשל וואַסער.

ס'איז נישט באַקאַנט צי ער האָט געזאָגט די קינדער אויף וואָס זיי דאַרפן גרייט זײַן און וווּהין מען גייט זיי פירן. ס'איז בלויז באַוווּסט, אַז ווען די דײַטשע קינדער־מערדערס זענען באַפאַלן דאָס הויז שעננע 16, זענען סײַ יאַנוש קאָרטשאַק, סײַ אייניקע שוועסטערס, וואָס האָבן געאַרבעט אין יתומים־הויז, און סײַ די צוויי הונדערט קינדער, געשטאַנען גרייט אויפצונעמען דעם טויט.

איך מוז נאָך אַ מאָל איבערחזרן דאָס באַנאַלע וואָרט, אַז ס'איז נישטאָ די פעדער וואָס זאָל קאָנען באַשרײַבן דאָס דאָזיקע שוידערלעכע בילד און ס'איז נישטאָ דער קלאָגער וואָס זאָל באַקלאָגן די דאָזיקע בראָך.

די היטלעריסטישע קינדער־מערדערס זענען אַרײַנגעפאַלן מיט אַ ווילד שיסערײַ. צוויי הונדערט קינער, צוויי הונדערט שפּראָצנדיקע לעבנס זענען געשטאַנען אין טויטשרעק, אַז אָט־אָט שיסט מען זיי אויס, ביז איינעם.

און ס'איז עפּעס אַ וווּנדערלעכע זאַך: די צוויי הונדערט קינדער האָבן נישט געשריגן, די צום טויט־פאַרמישפּטע צוויי הונדערט אומשולדיקע נפשות האָבן נישט געוויינט. קיינס פון זיי איז נישט אַנטלאָפן, קיינס פון זיי האָט זיך נישט באַהאַלטן. זיי האָבן זיך בלויז געטוליעט ווי קראַנקע שוואַלבן צו זייער לערער און דערציִער, צו זייער טאַטן און ברודער, צו יאַנוש קאָרטשאַק ,ער זאָל זיי היטן און שיצן.

ער איז געשטאַנען דער ערשטער. מיט זײַן דאַרן, צעבראָכענעם גוף האָט ער זיי פאַרשטעלט. די דײַטשע הינט האָבן דעם מינדסטן אײַנזען נישט געהאַט, אַ רעוואָלווער אין איין האַנט, אַ בײַטש אין דער צווייטער האַנט און אַ הינטישער ביל:

— מאַרש!

ווי צו די אויגן וואָס האָבן געהאַט דאָס פינצטערע מזל אָנצוקוקן דאָס דאָזיקע גרויזאַמע בילד.

יאַנוש קאָרטשאַק, אָן אַ הוט, אַרומגענומען מיט אַ לעדערנעם גאַרטל, אין שטיוול, אָן אײַנגעבויגענער, אָן אויסגעקרומטער, האַלט אַ קינד בײַ דער האַנט און גייט פאָרויס. עס גייען אויך עטלעכע שוועסטערס אין ווײַסע פאַרטעכער און נאָך זיי צוויי הונדערט פרישגעצוואָגענע קינדער, וועמען מען פירט צו דער עקדה.

די קינדער זענען אַרומגעצוימט פון אַלע זײַטן מיט דײַטשע, אוקראַיִנישע און אויך דאָס מאָל מיט ייִדישע פּאָליציאַנטן.

אין ייִדישן ראַט איז מען דערוווּסט געוואָר געוואָרן וואָס עס קומט פאָר אויף שעננע 16. האָט מען אָנגעהויבן לויפן טעלעפאָנירן און געוואָלט ראַטעווען.

וועמען, מיינט איר, האָט די ייִדישע קהילה געוואָלט ראַטעווען? נישט די צוויי הונדערט קינדער, נאָר בלויז יאַנוש קאָרטשאַקן.

דער דאָזיקער גרויסער, איידעלער מאַן האָט שיין באַדאַנקט די לײַט פון דער ייִדישער קהילה, וואָס האָבן מקריב געווען אַלע ייִדן פון וואַרשע, און איז מיטגעגאַנגען מיט זײַנע קינדער אויפן אומשלאַגפּלאַץ.

די שטיינער פון ברוק האָבן געוויינט, זעענדיק די פּראָצעסיע. בלויז די היטלעריסטישע רוצחים האָבן געטריבן מיט די בײַטשן און יעדע פאָר מינוט געשאָסן.

ביזן הײַנטיקן טאָג איז נישטאָ קיין שום סימן, ווו יאַנוש קאָרטשאַק מיט די צוויי הונדערט יתומים זענען אַהינגעקומען. לויט אַלע סימנים איז שוין נישט געבליבן פון זיי קיין שום געדעכעניש. זאָלן מײַנע פאָר ווערטער זײַן די ראָשי פּרקים צו יענער בלוטיקער מגילה, וואָס הייסט יאַנוש קאָרטשאַק מיט זײַנע צוויי הונדערט קליינע תלמידים.

מיט צוויי צי מיט דרײַ טעג שפּעטער נאָך דעם דאָזיקן שטיקל אַרבעט איז אַרויס די גזרה אָפּצורייניקן דאָס קליינע געטאָ אין גאַנצן פון ייִדן.

ווי כ'האָב שוין דערציילט, איז די וויסטע גזרה אַרויס אַרום זעקס אַ זייגער נאָך מיטאָג — זענען אין יענעם פאַר נאַכט לויפנדיק אומגעקומען אויפן וועג עטלעכע טויזנט ייִדישע נפשות. קיינער ווייסט נישט ווו מען האָט זיי קובר געווען, קיינער זאָגט נישט נאָך זיי קיין קדיש.

און צו מאָרגנס 6 אַ זייגער אין דער פרי איז קיין איין ייִד נישט געבליבן אין קליינעם געטאָ.

וויסטע, ליידיקע גאַסן, אָנגעוואָרפענע מיט בעטגעוואַנט, מיט שטיקער מעבל, מיט שיסלען, מיט טעפּ, מיט מיסט און מיט פאַרגליווערט בלוט. וויסטע, ליידיקע הײַזער, אויפגעריסענע אָדער אָפן געלאָזטע טירן. פון יעדער שטוב, וואָס איז נישט מער ווי אַ קופּע מיסט, וויינען אַרויס פאַרלוירענע לעבנס.

דער טויט גייט אַרום צוזאַמען מיט די דײַטשע און אוקראַיִנישע

רויבערס, וואָס שפּרייַזן איבער די חרוב געוואָרענע ייִדישע שטיבער און נישטערן און ראַבעווען און נעמען צו וואָס עס איז נאָר ווערט צוצונעמען.

דאָס קליינע געטאָ איז אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה אָפּגערוימט געוואָרן פון ייִדן: ווער ס'איז אומגעקומען גלייַך אויפן אָרט, וועמען מען האָט אַוועקגעפירט אויפן אומשלאַגפּלאַץ, ווער ס'האָט אַליין מיט זיך אַ סוף געמאַכט און וועמען ס'איז געלונגען צו אַנטלויפן אין גרויסן געטאָ אַרייַן.

נישט געקוקט דערויף זענען אין קליינעם געטאָ נאָך אַלץ פאַרבליבן עטלעכע טויזנט ייִדן מיט זייערע משפחות. די דאָזיקע ייִדן האָבן זיך בייַ צייַטנס באַזאָרגט מיט אַרבעט אין אַ דייַטשער אונטערנעמונג, אָדער, ווי מען האָט די אונטערנעמונג גערופן, אין טעבענס' „שאָפּע”, וועגן אָט די אונטערנעמונגען, אָדער שאָפּעס, וואָס די דייַטשן האָבן געשאַפן אין געטאָ, איז כדאַי צו דערציילן גענויער.

עטלעכע דייַטשע פירמעס, מיט אַזעלכע נעמען ווי: טעבענס, שולץ, אַשמאַן, האָפמאַן, שילינג, ברויער און אַנדערע, האָבן פאַרלייגט אין געטאָ וואַרשטאַטן, ס'רוב פון שנייַדערייַ, שוסטערייַ, קירזשנערייַ און דעסגלייַכן. די וואַרשטאַטן האָבן געאַרבעט פאַרן דייַטשן מיליטער. און גערופן האָט מען זיי „שאָפּעס”. איידער די בראָך פון גירוש האָט זיך נאָך אָנגעהויבן האָבן שוין אין די דאָזיקע „שאָפּעס” געאַרבעט ייִדישע שנייַדערס, שוסטערס, קירזשנערס א"אַ.

די ייִדישע אַרבעטערשאַפט, איידער אומצוקומען אין די גאַסן פון הונגער, איידער צו שטעלן זיך בעטלען, איידער געכאַפּט צו ווערן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן — האָט פאַר אַ פּערטל ברויט אַ טאָג, פאַר אַ וואַסערדיקער זופּ מיט אַ צולאָג פון עטלעכע זלאָטעס פאַרקויפט היטלערן איר בלוט און שווייס. די ייִדישע אַרבעטערשאַפט, אַרויסגעטריבן פון אירע וואַרשטאַטן, עלנט און פאַרפייַניקט, האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע ברירה, און ווי ביטער ס'איז איר נישט געווען, האָט זי געמוזט אָנקומען נאָך אַ שטיקל ברויט צו די דייַטשן.

ייִדישע הענט האָבן צוועלף שעה אין טאָג גענייט און געשטעפּט מונדירן פאַר די היטלעריסטישע באַנדיטן. ייִדישע הענט האָבן פון די פוטערס, וואָס היטלער האָט צוגערויבט בייַ דער ייִדישער באַפעלקערונג אין מיטן ווינטער — גענייט טולופּלעך און קאָזשוכעס פאַר די הונען, וואָס האָבן׳ זיך געפונען אויפן סאָוועטישן פראָנט.

אַ סך פון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפט איז סייַ ווי סייַ אומגעקומען פון הונגער און דחקות, פון אַ פּערטל קילאָ ברויט אַ טאָג מיט אַ וואַסערדיקער זופּ קאָן אַפילו אַ ייִדישער אַרבעטער אויך נישט לעבן. ס'איז אָבער אַלץ בעסער געווען ווי בעטלען אָדער פאַלן אין גאַס אָן אַ נאָמען און ווערן צוגעדעקט מיט אַ בויגן פּאַפּיר.

גלייַכצייַטיק האָבן זיך אין די דאָזיקע שאָפּעס אויך אַרייַנגעקריגן אונטערוועלט־מענטשן, וואָס זענען אין געטאָ געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, קאָמבינאַטאָרן, שאַנטאַזשיסטן. מיט דער הילף פון דייַטשע שאַנטאַזשיסטן, זענען די דאָזיקע פאַרשוינען געוואָרן אין די שאָפּעס מאַכערס, דירעקטאָרן, פירער און גוטער יאָר ווייסט וואָס נאָך.

אין די „נאָרמאַלע” צייַטן, ד"ה דעמאָלט ווען אין געטאָ האָבן געלעבט דרייַ הונדערט און פופציק טויזנט ייִדן, ווען 10 פּראָצענט אויפגעקומענע ווילע יונגען האָבן געפרעסן און געזויפט און פאַרדינט צו צען טויזנט זל. אַ טאָג — און די איבעריקע 90 פּראָצענט האָבן קוים געזשיפּעט, אין יענע צייַטן האָט מען זיך, פון דעסט וועגן, נישט געאייַלט אָנצוקומען אין די דייַטשע שאָפּעס אַרייַן. דער אָרעמאַן האָט זיך ווי עס איז געדרייט, האָט מען נישט געגעסן צו דער זעט, איז מען פאַרשניטן געוואָרן פון טיפוס, האָט מען געבעטלט; אָבער גיין אַרבעטן פאַר היטלערן, העלפן דעם מערדער, האָט דער רוב מנין ורוב בנין פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין וואַרשע נישט געוואָלט.

אָבער ווען ס'איז אַרויס די פינצטערע גזירה וועגן גירוש און ס'איז געזאָגט געוואָרן אין איר, אַז יענע ייִדן וואָס זענען פעיִק צו אַרבעטן ,וועלן נישט אַרויסגעשיקט ווערן, איבער הויפּט אַזעלכע, וואָס זענען באַשעפטיקט אין די שאָפּעס — איז געוואָרן אַ געלויף אין די היטלעריסטישע וואַרשטאַטן אַרייַן. ייִדן סוחרים, בעלי־מלאכות, ליידיק־גייערס — אַלץ וואָס האָט געהאַט הענט און פיס און אַ בייַטל מיט געלט איז געלאָפן אַרבעטן צום דייַטש. אַלע זענען מיט אַ מאָל געוואָרן שנייַדערס, שוסטערס, קירזשנערס.

צוזאַמען מיט הענדלערס פון לעבעדיקער סחורה, צוזאַמען מיט גנבים, קאַסע־ברעכערס און זונות האָבן זיך אין די שאָפּעס אַרייַן אויך געשטעלט אָנגעזעענע כלל־טוערס, אונדזערע פאַרזאָרגערס, אונדזערע דעה־זאָגערס. ביז אַהער האָבן זיי זיך געפּאַשעט די בייַכער. געלעבט, ווי גאָט אין אָדעס. געהאַלטן משרתים בייַ די טירן, געווען טויב צום ייִדישן עלנט, צו דער ייִדישער נויט, און דאָ זענען זיי מיט אַ מאָל געוואָרן פּראָלעטאַריערס פון ריינסטן בלוט.

זיי האָבן פאַרזאָרגט נישט בלויז זיך אַליין, נאָר אויך זייערע ווייַבער און קינדער, זייערע מאַמעס און טאַטעס, זייערע ברידער און שוועסטערס און געווען זיכער, אַז זיי וועט די גזירה פון אומקום מייַדן.

איז, אַז ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לויפן אין די שאָפּעס אַרייַן, האָבן די פירערס פון די שאָפּעס, די אַלערליי שאַנטאַזשיסטן און קעשענע־גנבים דערזען, אַז ס'האָט זיך געעפנט פאַר זיי אַ קוואַל פון שפּעדיקער פּרנסה.

איז געוואָרן אַ גאַנצער האַנדל מיט קריגן אַן אָרט אין אַ שאָפּע, אַ גאַנצע שוואַרצע בערזע. אין אָנהייב האָבן די פירערס פון די שאָפּעס פאַרלאַנגט פון אַ „קאָפּ” טויזנט זלאָטעס, שפּעטער — צוויי טויזנט, פינף טויזנט. עס זענען אויך געווען פאַלן, ווען די נייַ־געבאַקענע פּראָלעטאַריער האָבן געצאָלט די מאַכערס צו צען און צו צוואַנציק טויזנט זלאָטעס פאַר אַ „קאָפּ”.

אַזאַ שאָפּע איז אויך געווען אין קליינעם געטאָ. טעבענס' שאָפּע האָט מען זי גערופן. און נאָך דעם, ווי מען האָט אַרויסגעטריבן די ייִדן פון קליינעם געטאָ, זענען אין יענער שאָפּע איבערגעבליבן עטלעכע טויזנט ייִדן מיט זייערע פאַמיליעס. צום וווינען האָט מען די דאָזיקע מענטשן אָפּגעגעבן צוויי, צי דרייַ הייַזער, נישט ווייַט פון דער שאָפּע. די הייַזער זענען אַרומגעצוימט געוואָרן מיט פּלויטן. דאָ האָבן די נייַ־געבוירענע פּראָלעטאַריערס געמוזט וווינען. אין קיין אַנדערער גאַס אַרייַן אָדער אין אַ שכנותדיק הויז אַרייַן האָבן זיי נישט געקאָנט און נישט געטאָרט אַרייַנקומען. ס'האָט געדראָט מיט אַ קויל אין קאָפּ אַרייַן. 6 אַ זייגער אין דער פרי האָט מען די מענטשן אַרויסגעפירט צו דער אַרבעט — צו פינף אין אַ ריי, אַזוי ווי אַרעסטאַנטן; 6 אַ זייגער פאַר נאַכט האָט מען זיי צוריקגעפירט, באַוואַכט פון דייַטשע זשאַנדאַרן.

צו דער אַרבעט אין דער שאָפּע אַרייַן האָבן די מענער מיטגענומען זייערע ווייַבער און די קינדער. אין דער שאָפּע, האָט מען

פאַרזיכערט, וועט קיין בלאָקאַדע נישט זײַן; פון דאַנען וועט מען קיינעם נישט אַרויסנעמען. דאָ איז מען זיכער מיטן לעבן.

ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז מען איז נישט געווען זיכער. היטלערס יאָגהינט האָבן אויסגעצייכנט געוווּסט ווי אַזוי די נײַ־געבוירענע פּראָלעטאַריערס האָבן זיך אַרײַנגעקריגן אין די שאָפּעס. דערויף האָבן זיי געהאַט גענוג ייִדישע געסטאַפּאָ־לײַט, וואָס האָבן אויסגעפירט זייער אַרבעט צו דער גרעסטער צופרידנקייט פון די באַנדיטישע מושלים.

און ווען אַלע זענען געזעסן אין דער שאָפּע און געלאָזט, ווי מען זאָגט, אַ פייגעלע אין וואַלד זאָרגן, זענען דײַטשע באַנדעס אַראָפּגעפאַלן, ווי פון הימל. ווי געוויינלעך מיט אַ געשריי, מיט אַ הינטיש בילן, און גענומען רוימען. אַלע האָבן געמוזט אַרויס פון וואַרשטאַט, אַלע האָבן זיך געמוזט אויסשטעלן אויף דער גאַס, אַלע וואָס האָבן געצאָלט גראָבע געלטער און אַלע וואָס האָבן געאַרבעט פון פריִער און נישט באַצאָלט דערפאַר קיין איין גראָשן.

די היטלעריסטישע הענקערס האָבן קאַלטבלוטיק און אַכזריותדיק באַשטימט אויפן אָרט, אַז אין טעבענס' שאָפּע אויף פּראָסטע־גאַס דאַרפן אַרבעטן נישט עטלעכע טויזנט מענטשן, נאָר עטלעכע הונדערט. זיי האָבן גלײַך געמאַכט די סעלעקציע, ווער עס קאָן יאָ אַרבעטן, און ווער נישט.

קודם־כּל האָבן זיי צוגענומען די פרויען מיט די קינדער, דערנאָך די עלטערע מענטשן, שפּעטער — די מענטשן אין מיטלע יאָרן — און אין פאַרלויף פון אַ צוויי, דרײַ שעה איז אין טעבענס' שאָפּע איבערגעבליבן נישט עטלעכע טויזנט, נאָר אַ פּאָר הונדערט פּריטומטע, אומגליקלעכע, צעבראָכענע מענער און יונגע פרויען.

די רעשט האָט מען גלײַך אַוועקגעפירט צו דער שׂרפה.

די איבעריקע עטלעכע הונדערט מענטשן, וואָס זענען געבליבן אַרבעטן, און זייער גורל הענגט אויף אַ האָר, האָט מען איבערגעשיקט וווינען אין איין הויז אַרײַן. דאָרטן שטיקן זיי זיך און ווערגן; יעדער איינער מיט אַ פינצטער לאָך אין האַרץ. יעדן איינעם פעלט אַ ווײַב, אַ קינד, אַ טאַטע, אַ מאַמע אאַ"וו.

בײַם הײַנטיקן טאָג — און הײַנט איז שוין דער ערשטער טאָג סוכּות — קאָן קיינער צום קליינעם געטאָ נישט צוקומען. דער ראַיאָן פון טוואַרדע־גאַס איז אַזוי ווײַט געוואָרן, אַזוי, ווי אין מיטן זאָלן ליגן אַלע ימים פון דער וועלט. קיינער ווייסט נישט, וואָס עס געשעט מיט די עטלעכע הונדערט מענטשן, וואָס אַרבעטן דאָרט. מען ווייסט נאָר צו דערציילן, אַז אויסער דעם פּערטל ברויט מיט דעם וואַסערדיקן ביסל גריץ, קאָן מען דאָרט גאָרנישט קריגן צו קויפן. און אויב אימעצער וועט יאָ קריגן אַ ברייטל, וואָס באַשטייט מער פון אַ קילאָגראַם לייַם ווי פון מעל, דאַרף ער דערפאַר באַצאָלן פון 80 ביז הונדערט זל.

אין גרויסן געטאָ זענען געווען עטלעכע אַזעלכע שאָפּעס. פאַרשטייט זיך, אַז אויך דאָ איז געווען פיל מיט די פריש־געבוירענע פּראָלעטאַריערס. די דײַטשן האָבן דערווײַל געקוקט דערויף דורך די פינגער. אויסער די שאָפּעס האָבן זיי נאָך דאָ געהאַט צו „דערליידיקן" אַן ערך פון הונדערט און פופציק „פּריוואַטע ייִדן", אַזוי צו זאָגן.

און זיי האָבן דערליידיקט מיט פאַרשידענע מיטלען און אויף פאַרשידענע אינקוויזיטאָרישע אופנים. ווידער אָפּגעשלאָסענע גאַסן, ווידער בלאָקירטע הײַזער, ביז די באַנדיטן זענען אין איין שיינעם טאָג געפאַלן אויף אַ נײַעם טייוולאָנישן פּלאַן. די אָדער יענע גאַס, די לינקע זײַט אָדער די רעכטע זײַט גאַס מוז אָפּגערייניקט ווערן פון אַלע ייִדן אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה. ד"ה אַלע ייִדן מוזן זיך פון דאַנען אַרויסציִען ביז הײַנט פאַר נאַכט, אָדער ביז מאָרגן אין דער פרי. דער ערשטער קרבן איז געפאַלן דאָס שטיק נאָוואָליפּיע פון קאַרמעליצקע ביז סמאָטשע. אויפן דאָזיקן שטח געפינען זיך די וואַרשטאַטן פון דער פירמע „שולץ". די דאָזיקע פירמע באַשעפטיקט עטלעכע טויזנט ייִדישע אַרבעטערס. די אַרבעטערס דאַרפן וווינען נאָענט פון די וואַרשטאַטן. דעריבער מוז דאָס גאַנצע שטיק נאָוואָליפּיע אָפּגערייניקט ווערן פאַר די אַרבעטערס פון שולצס שאָפּע.

געשען איז דאָס אומגליק שבת (איך געדענק לײַדער נישט די דאַטע). באַלד אין דער פרי איז די גאַס אָפּגעשלאָסן געוואָרן פון ביידע עקן. ס'איז נישט געווען ווּ צו לויפן; נישט אַרײַן און נישט אַרויס.

מען האָט די מענטשן געהייסן פאַרלאָזן זייערע וווינונגען און ווּ אַהינצוטאָן זיך האָבן זיי נישט געהאַט.

ס'איז אוממעגלעך איבערצוגעבן אין ווערטער דעם גרויל און דעם שוידערלעכן פּײַן וואָס איז באַפאַלן די דאָזיקע צום טויטפאַרמישפּטע אײַנוווינערס. אין מיטן דער גאַס האָבן שפּאַצירט עטלעכע דײַטשע רוצחים מיט רעוואָלווערן און אַראַפּניקעס — די הענט אַרויפגעשאַרצט, אַזוי ווי די תּלינים וואָס דאַרפן אין אַ מינוט אַרום אָפּהאַקן זייער קרבן דעם קאָפּ.

און איבער די הײַזער, איבער די שטובן, פון וואַנען די ייִדן האָבן זיך אין איין טויטשרעק געפּרוּווט אַרויסציִען זענען אַרומגעלאָפן ווי משוגענע הינט די אוקראַיִנישע באַנדיטן צוזאַמען מיט די ייִדישע אויסוואָרפן. זיי האָבן אויפגעריסן טירן, צעשמעטערט די צוגעפּאַקטע פּאָר קישנס, די וואַליזקע, דאָס קופערל. געשלעפּט די מענטשן אַראָפּ ווי מען שלעפּט פּגרים און געשטעלט זיי פאַר די דײַטשע תּלינים, וואָס האָבן געטאָן זייער רעכט: אָדער באַלד אויפן אָרט, אָדער מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער אויפן אומשלאַגפּלאַץ.

אָט דערציילט מיר אַ ייִדישער פּאָליציאַנט, וואָס האַלט אַז זײַנע הענט האָבן דאָס דאָזיקע בלוט נישט פאַרגאָסן (מיר ווייסן גאָר עפּעס אַנדערש וועגן אים), אַז ווען נישט די ייִדישע פּאָליציי, וואָלט זיך די דײַטשן אַפילו מיט דער הילף פון די אוקראַיִנער בשום אופן נישט אײַנגעגעבן אויסצוזוכן, אויסצוגעפינען אַזוי פיל ייִדן.

בלויז די ייִדישע באַנדיטישע פּאָליציי האָט געוווּסט אַלע ערטער, אַלע לעכער, ווּ ייִדן האָבן זיך באַהאַלטן.

אַזוי איז אויך געווען אויף נאָוואָליפּיע־גאַס. זיי האָבן געברענגט זייערע פאַרפּײַניקטע קרבנות פון אונטער דער ערד אַפּער, פון הימל אַראָפּ, פון אַלע קעלערן, פון אַלע דעכער, פון אַלע קוימענס. זיי האָבן עס געטאָן מיט אַזאַ איבערגעגעבנקייט און מיט אַזאַ מסירת־נפש, אַז ס'איז בשום אופן נישט צו פאַרשטיין, וואָס פאַר אַ ווילדער דיבוק ס'איז אַרײַן אין די דאָזיקע יונגע־לײַט. נישט בחינם האָט דער „פעלקישער בעאָבאַכטער" שפּעטער געשריבן, אַז די ייִדישע פּאָליציי אין וואַרשע האָט געאַרבעט „טאַדללאָז".

אַ וויסטער, פינצטערער לויב וואָס וועט פאַרשריבן ווערן מיט בלוטיקע, שענדלעכע אותיות אויפן חשבון פון דער וואַרשעווער ייִדישער קהילה, ווּ אין דער שפּיץ איז נאָך טשערניאַקאָווס טויט געשטאַנען אַ קליינקעפּלדיק רשעותדיק זשידעקל, וואָס זײַן נאָמען איז אינזש' מ. ליכטענבוים. דאָס דאָזיקע אַסימילירטע ייִדל איז

איין שטיק שלעכטס, ער האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין שײַכות נישט מיט ייִדן און נישט מיט ייִדישקייט. ער איז נאָך מער אונטערטעניק געווען דעם דײַטשן רוצח ווי טשערניאַקאָוו. ער האָט נאָך גיכער אויסגעפירט זײַנע באַפעלן ווי דער געשטאָרבענער טשערניאַקאָוו.

דער שוואַרץ־שבת אויף נאָוואָליפּיע־גאַס האָט געדויערט פון אין דער פרי ביז אויף דער נאַכט, אָן אויפהער, אָן איבעררײַס. היטלערס הינט האָבן אַוועקגעלייגט עטלעכע הונדערט מענטשן — מענער, פרויען און קינדער. די גאַס איז איבערגעגאַנגען פון אומשולדיק־פאַרגאָסן בלוט, פון אַרויסגעזעצטע מאַרכן, פון בעטגעוואַנט, חפצים, אויסגעמישט מיט ספרים, ביכער, חנוכה־לאָמפּן, טליתים, תפילין, פאָטאָגראַפיעס, בילדער, בעטן, פעדערן, טעפּ. די קעשענעס פון די בלוטיקע הינט זענען איבערגעגאַנגען פון געלט, פון טײַערע שטײַנער, פון פּערל, פון בריליאַנטן, וואָס מענטשן האָבן נאָך געהאַט און געהאַלטן אויף דער לעצטער מינוט.

צענדליקער טויזנטער מענטשן, נאַקעטע און באָרוועסע, באַרויבטע, קינדער אין די וויגן, קינדער אין קישנס — שוואַנגערע פרויען — זענען אין יענעם וויסטן שבת אַרויסגעפירט געוואָרן פון נאָוואָליפּיע אויפן אומשלאַגפּלאַץ. דאָרט זענען ווידער געפאַלן הרוגים. אַ סך האָבן אַליין אַ סוף געמאַכט מיט זיך; ווער דורך סם, ווער ס'האָט זיך אויפגעשניטן די אָדערן. די איבעריקע זענען פאַרלאַדעוועט געוואָרן אַזוי ווי הערינג אין די פראַכטוואַגאָנען און אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף אומקום.

וויסט און אויסגעליידיקט, מיט אויסגעהאַקטע שויבן, מיט אויפגעריסענע געוועלבער, מיט צעהאַקטע טירן, מיט הרוגים וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין די רינשטאָקן, איז געבליבן די נאָוואָליפּיע־גאַס. עס זענען נאָך אויך געבליבן מענטשן וואָס האָבן זיך אַזוי באַהאַלטן אַז אַפילו די ייִדישע פּאָליציייִשע באַנדיטן האָבן זיי נישט געקאָנט געפינען. זיי זענען אַרויס פון די לעכער, שוואַרצע, צאַפּלענדיקע, אָפּגעריסענע, הונגעריקע. זיי זענען געלאָפן איבער די חרוב־געוואָרענע שטובן — אפשר איז נאָך עפּעס געבליבן פון זייער האָב און גוטס, אפשר וועלן זיי נאָך קאָנען עפּעס אָפּראַטעווען.

ווער מיט אַ קישן און ווער מיט אַ קאָלדרע, ווער מיט אַ לײַלעך און ווער מיט אַ העמד — זענען די איבערגעבליבענע אַנטלאָפן פון נאָוואָליפּיע אין אַנדערע גאַסן אַרײַן, מיינענדיק אַז דאָרט וועט זיי דאָס אומגליק אפשר אויסמײַדן. אין איין בהלה, אין איין שוידער זענען געלאָפן וועגלעך מיטן ביסל בראָכוואַרג, וואָס דעם אָדער יענעם איז געלונגען אָפּצוראַטעווען.

און אַזוי ווי דורך אַ כּישוף־שטעקעלע האָט מען גלײַך אויפן אָרט גענומען שטעלן פּלויטן אויף ביידע עקן נאָוואָליפּיע־גאַס. מען האָט די גאַס פאַרמאַכט, אַזוי ווי אַ שטײַג פאַר חיות. אויף די חורבות פון די אַרויסגעטריבענע, דערשאָסענע, דערשלאָגענע, אומגעקומענע ייִדן וועלן זיך מאָרגן אַרײַנציִען אַנדערע ייִדן, וואָס האָבן געהאַט דאָס מזל אַרײַנצוקריגן זיך צו שולצן אין דער שאָפּ. זיי וועלן זײַן פאַרמאַכט מיט אַ פּלויט, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט. קיינער וועט נישט האָבן קיין רעכט אַרײַנצוקומען צו זיי און קיינער פון זיי וועט אויך נישט האָבן קיין רעכט אַרויסצוגיין פון אונטערן פּלויט.

אַזוי אַרום איז אין געטאָ געשאַפן געוואָרן נאָך אַ געטאָ. נישט איין געטאָ, נאָר אַ שפּאָר ביסל אַזעלכע געטאָ־אינדזלען. וואָרעם כמעט אויף יעדער גאַס האָט זיך געעפנט אַ שאָפּ. פון יעדער גאַס האָט מען אַרויסגעטריבן די „פּריוואַטע ייִדן" און אַרײַנגעזעצט פּריווילעגירטע, די אַרבעטער פון די שאָפּעס.

נאָך דער נאָוואָליפּיע איז דער גורל געפאַלן אויף נאָוואָליפּקע, קאַרמעליצקע, דזשעלנע, סמאָטשע, דזשיקע און אַזוי כסדר. די וואָס האָבן זיך נעכטן אַרויסגעצויגן פון נאָוואָליפּיע, האָבן הײַנט געמוזט לויפן פון קאַרמעליצקע, מאָרגן פון דזשעלנע, איבער מאָרגן פון סמאָטשע.

אומעטום האָט מען איבערגעלאָזט הרוגים, אומעטום האָט מען איבערגעלאָזט זאַכן, און אומעטום האָט מען אַוועקגעשטעלט פּלויטן. די גאַנצע נאָוואָליפּקע איז איין לאַנגער פּלויט. אַ וויסטער, אַ פינצטערער, אַ שענדלעכער. דאָ וווינען די אַרבעטערס פון דער אָדער פון יענער שאָפּ. אויסטערליש, נישט אויסצומאָלן און נישט צו באַשרײַבן זעען אויס די אַרומגעצוימטע הײַזער. דאָס זענען אויפגעקומענע תּפיסות, שטײַגן, קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין סאַמע האַרץ פון שטאָט. היטלער האָט די ייִדן ווי אויף דער האַנט. ער קאָן צו יעדער מינוט קומען אויסשעכטן, אויסרוימען, פאַרטיליקן, פאַרניכטן.

און ער רוימט טאַקע, פאַרטיליקט, פאַרניכטעט (די ווערטער — פאַרניכטן, אויסראָטן — גייען נישט אַראָפּ פון די שפּאַלטן פון דער היטלעריסטישער פּרעסע און פון די טרייפענע מײַלער זייערע).

דאַכט זיך אַז ס'איז שוין באַלד נישטאָ וועמען צו פאַרטיליקן. אַלע טאָג ווערן אַוועקגעפירט צענדליקער פאַרטיעס מיט צענדליקער טויזנטער מענטשן. אַלע טאָג וואַלגערן זיך הונדערטער הרוגים אין די גאַסן. וועמען וועט די בלוטיקע חיה נאָך אויפפרעסן? האָט זי נאָך אַלץ ווייניק ייִדיש בלוט אויסגעזויפּט? האָט די בלאָנדע בעסטיע נאָך אַלץ נישט געשטילט איר ווילדן אַפּעטיט?

זעט אויס, אַז ניין.

די ייִדישע פּאָליציי האָט אין איין טאָג אויף ס'ניי באַקומען אַ באַפעל, אַז ביז פאַר נאַכט מוז זי צושטעלן נײַע צען טויזנט ייִדישע „קעפּ". צוויי טויזנט פּאָליציאַנטן — מאַכט אויס צו פינף „קעפּ" אויף יעדן פּאָליציאַנט.

איך בין נישט אימשטאַנד נאָך אַ מאָל צו שילדערן דאָס וויסטע יאָגעניש פון די ייִדישע רוצחים אויף זייערע קרבנות. וואָס איך וועל זאָגן, וועט זײַן שוואַך געזאָגט. וואָסער קללה איך זאָל נישט שיטן אויף זייערע פאַרשאָלטענע קעפּ, וועט יעדע קללה זײַן אַ ברכה. איך וויל נאָר איבערגעבן עטלעכע פאַקטן און זאָלן זיי רעדן פאַר זיך.

פאַקט נומער איינס:

אין אַן אויפגעפּראַלטער, צעריסענער שטוב איז אַרײַנגעפאַלן אַ ייִדישער פּאָליציאַנט. די שטוב איז שוין נישט געווען קיין שטוב נאָר אַ חורבה. אַלץ איז געלעגן צעהאַקט און צעבראָכט. די בעסערע זאַכן צעראַבעוועט, צעגזלט. קיין מענטשן האָט די שטוב שוין אויך נישט געהאַט. ווער ווייסט וווּ זיי זענען אַהינגעקומען? בלויז איין מענטשלעך לעבן האָט זיך אין שטוב יאָ געלאָזט הערן. דאָס איז געווען אַ קינד אין אַ קישן. ס'איז נישט באַקאַנט דורך וועלכע ניסים איז אין דער חורבה געבליבן אַ לעבעדיק נפש. צי האָט עס די מאַמע פאַרגעסן מיטצוכאַפּן, צי האָט מען די מאַמע אומגעבראַכט און דאָס קינד נישט באַמערקט, גענוג איז אַז ס'האָט געריסן אין קישן. דער ייִדישער פּאָליציאַנט האָט הײַנט מתקן געווען אַ גרויסע זאַך. ער האָט שוין געהאַט צוגעשטעלט פיר „קעפּ". ס'האָט אים געפעלט דער פינפטער „קאָפּ". דאַכט זיך אַז קיין

גרעסער מזל קאָן שוין קיין ייִדישער פּאָליציאַנט נישט האָבן. דער פינפטער „קאָפּ” האָט זיך ממש געבעטן, מען זאָל טאָן אים זײַן רעכט.

דער געטרײַער מנוול האָט געכאַפּט דאָס קישן מיטן קינד און אין איין גדולה געלאָפן דערמיט אויפן פּלאַץ פון טויט און אומקום. ער האָט זיך הײַנט אָנגעהאָרעוועט, דער יונג. איצט וועט ער זיך שוין אַ ביסל אָפּרוען.

אָבער דער דײַטשער תלין, וואָס האָט געלאַדעוועט די אומגליקלעכע אין די וואַגאָנען, האָט זיך צום גאַנצן ענין באַצויגן גאָר אַנדערש. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן קליינעם קרבן, וואָס דער ייִדישער חבר זײַנער האָט אים אונטערגעטראָגן, געלאָסן אַרויסגענומען דעם רעוואָלווער, און אין פאַרלויף פון איין סעקונדע איז דאָס ווײַסע קישן פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט.

— ניין — האָט דער דײַטשער תלין געזאָגט — דער דאָזיקער „קאָפּ” ווערט נישט גערעכנט פאַר קיין „קאָפּ”. איך האָב דעם קליינעם הונט דערשאָסן. ווער עס ווערט דערשאָסן, דעם פאַררעכנט מען נישט פאַר קיין „קאָפּ”. ביסט מיר, אַלזאָ, שולדיק אַ פינפטן „קאָפּ”. גיי און ברענג אים, אַז נישט וועסטו באַצאָלן מיט דײַן קאָפּ.

דער ייִדישער אויסוואָרף האָט נישט געזאָגט דאָס אַנדערע וואָרט און דעם נײַעם פינפטן „קאָפּ” געברענגט.

פאַקט נומער צוויי:

אײנעם פון די, וועמען מען האָט געברענגט צו פירן אויפן אומשלאַגפּלאַץ, איז געלונגען, אויפן פּלאַץ גופא, אַריבערצוכאַפּן זיך איבער אַ מויערל און דאָרטן אויסצובאַהאַלטן זיך. אין יענעם ווינקל, וווּהין ער האָט זיך אַריבערגעקריגן, זענען געלעגן הרוגים. האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אין אַ מתים־קאַסטן, מכלומרשט אויך אַ הרוג און געוואַרט ביז דער פאַרנאַכט וועט צופאַלן, ער זאָל קאָנען עוקר זײַן.

אַ ייִדישער פּאָליציאַנט האָט דאָס באַמערקט. צי דער „לעבעדיקער מת” האָט דעם פּאָליציאַנט איבערגעקויפט, צי האָט ער גלאַט געהאַט אַ גוט הארץ, דער פּאָליציאַנט, גענוג איז אַז ער האָט זיך נישט געמאַכט וויסן און געלאָזט דעם לעבעדיקן הרוג ליגן.

פאַר נאַכט, ווען עטלעכע צענדליק טויזנט קרבנות זענען שוין געווען פאַרפּאַקט אין די וואַגאָנען אַרײַן און די דײַטשע רוצחים האָבן פאַרלאָזט דעם פּלאַץ, איז דער „לעבעדיקער מת” אַרויס פון זײַן באַהעלטעניש.

דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט אים אַ גאַנצן טאָג געלאָזט ליגן צווישן די הרוגים, האָט געמאָלדן וועגן דעם פאַל דעם ייִדישן קאָמענדאַנט פון פּלאַץ — דעם משומד שמערלינג. ער האָט צוגעגעבן, אַז דעם דאָזיקן מענטש, וואָס האָט שוין בײַם לעבן געליטן חיבוט־הקבר, דאַרף מען אָפּלאָזן אַהיים. דער משומד שמערלינג, וואָס האָט געהאָלפן אומברענגען הונדערטער טויזנטער ייִדן, האָט דעם פּאָליציאַנט געסטראַשעט מיט קאָנסעקווענצן און דעם „לעבעדיקן מת” פאַרפּאַקט אין וואַגאָן אַרײַן.

פאַקט נומער דרײַ:

די דײַטשן האָבן אָפּגעשלאָסן די שליסקע־גאַס. דאָרט האָט געוווינט דער אַלטער שריפטשטעלער הלל צייטלין. אַ ייִד אַ זקן. אין די לעצטע יאָרן איז ער געזעסן פאַרמאַכט בײַ זיך אין שטוב און שטילערהייט געשריבן זײַן לעצט ווערק. ער האָט זיך אין ערגעץ נישט אויסבאַהאַלטן און די דײַטשן האָבן געכאַפּט.

די פרוי זײַנע, וואָס האָט געפּרוּווט באַהאַלטן זיך, האָבן די מערדערס אויפן אָרט דערשאָסן.

הלל צייטלין גופא איז אַרויף אויפן תליה־וואָגן אײַנגעהילט ווי גרויס ער איז געווען אין אַ טלית. ער האָט געוווּסט אַז מען פירט אים צו דער שחיטה, האָט ער געוואָלט קומען צו קבר־ישראל אין טלית, אַזוי ווי דער מינהג איז בײַ ייִדן.

דאָס בילד איז געווען שוידערלעך. אַ פולער וואָגן מיט מענטשן, פרויען און קינדער — אַלע פאַרמישפּטע צום טויט — און צווישן זיי איין ייִד — אַ הויכער, מיט אַ גרײַז־גרויער באָרד, אײַנגעוויקלט אין אַ טלית.

די דײַטשע הענקערס האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. זיי זענען אין דער ערשטער מינוט אַ ביסל מבולבל געוואָרן. אָבער די ייִדישע פּאָליציאַנטן, די משרתים פון דער קהילה, טשערניאַקאָווס און ליכטענבוימס לײַבגוואַרדיע, האָט אַראָפּגעריסן פון דעם אַלטן שריפטשטעלער דעם טלית און אים מכבד געווען מיט אַ שפּאָר ביסל קלעפּ.

מען האָט הלל צייטלין אַוועקגעפירט אין תליה־וואָגן אַ צעשלאָגענעם, אַ געשענדטן. אין דער קהילה איז מען געוואָר געוואָרן אַז דער שריפטשטעלער איז אויפן אומשלאַגפּלאַץ. עס איז דאָ אײנער אַ יונגער ייִד אין דער קהילה, אַ פּשוטער באַאַמטער, אַ געוויסער רימבאַ, ער האָט אין יענעם טאָג אַרויסגעראַטעוועט דעם אַלטן שרײַבער פון די דײַטשע רוצחים.

דער שריפטשטעלער, אַ קראַנקער, אַ צעבראָכענער, האָט זיך אויפגעהאַלטן שפּעטער אַ געוויסע צײַט אין ייִדישן שפּיטאָל. אָבער אויך דאָ האָט אים דער גורל נישט אויסגעמיטן. היטלערס באַנדע איז באַפאַלן דאָס שפּיטאָל, אַרויסגעשלעפּט סײַ די קראַנקע, סײַ די דאָקטוירים, סײַ די קראַנקן־שוועסטערס און צוזאַמען מיט זיי אויך הלל צייטלין.

און אין שטאָט איז די בלוטיקע אַרבעט געגאַנגען ווײַטער. אַלע גאַסן ליגן וויסט און אויסגעשטאָרבן. אַלע געוועלבער זענען פאַרהאַמערט. אַלע שטובן זענען חרוב. ערגעץ אין קעלערס, אויף בוידעמער, אין מיסטקאַסטנס ליגן נאָך באַהאַלטן מענטשן. זיי הונגערן, זיי זענען ברודיק, די ווערעם פרעסן זיי, אָבער אַרויסגיין ווילן זיי נישט. ס'רוב זענען דאָס פאָלקסמענטשן, וועמען דער געזונטער אינסטינקט זאָגט אונטער זיי זאָלן איבערוואַרטן, אויסהאַלטן. אפשר וועט זיך דאָס מערדערישע, ווילדע משוגעת אָפּשטעלן.

אָבער עס שטעלט זיך נישט אָפּ. ס'איז שוין זעקס וואָכן, עס גייט שוין די זיבעטע וואָך. די וואָס לעבן נאָך, שלעפּן זיך אַרום ווי געשפּענסטער, נישט מען עסט, נישט מען שלאָפט. מען האָט מורא אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ. זעקס אַ זייגער אין דער פרי באַווײַזן זיך די אַרבעטערס וואָס זענען באַשעפטיקט אין די „שאָפּעס”. זיי גייען אין רייען אָנגעלאָדן מיט טאָרבעס, אַזוי ווי די מדינה־גייערס. זיי נעמען מיט ווײַב און קינד. זיי רעכענען אַז דאָרט אין די „שאָפּעס” וועלן זיי פאַרהיטן, באַשיצן סײַ זיך, סײַ זייערע משפּחות.

אָבער היטלערס רוצחים האָבן אויך נישט אויסגעמיטן די „שאָפּעס”.

ס'האָט געקאָסט ממים ודמים איידער מען האָט זיך אַרײַנגעקריגן אין אַ „שאָפּע". מענטשן האָבן אַראָפּגענומען פון זיך דאָס לעצטע העמד און אוועקגעגעבן. ייִדן זענען געלאָפן אַרבעטן פאַר היטלערן און געמיינט אַז אַזוי אַרום וועלן זיי ראַטעווען זייער גוף און זייער נשמה.

זיי האָבן נישט געראַטעוועט, נישט דעם גוף, און די נשמה — אוודאי און אוודאי נישט.

די דײַטשע הענקערס האָבן נישט באַדאַרפט אַזוי פיל ייִדישע אַרבעטערס. היטלערס יאַגהינט, אַ דאַנק די מסירות פון ייִדישע געסטאַפּאָ־לײַט, האָבן גענוי געוווּסט וויפיל ייִדן עס האָבן זיך אַרײַנגעקריגן אין די „שאָפּעס" פאַר געלט.

איז געקומען אַ טאָג און פון דער העלער הויט איז מען באַפאַלן די „שאָפּע", און יענע „שאָפּע" און אַלע איבעריקע „שאָפּעס". ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע בלוטיקע שחיטה.

אויפן אָרט האָבן די היטלעריסטישע וועלף רעדוצירט די אַרבעטערס. זיי האָבן גלײַך באַשטימט וויפיל מענטשן אַ „שאָפּע" דאַרף באַשעפטיקן. פון עטלעכע טויזנט איז געבליבן עטלעכע הונדערט. פון עטלעכע הונדערט — עטלעכע צענדליק. די רעשט, ס'רוב פרויען, קינדער, יוגנטלעכע, אַלטע מענטשן, האָט מען אַרומגערינגלט, אויסגעשטרעקט צו זיי די ביקסן, געשלאָגן מיט ראַפּניקעס איבער די קעפּ (די דײַטשע באַנדיטן שלאָגן נאָר אין קאָפּ אַרײַן) און אָפּגעפירט אויפן פּלאַץ פון טויט.

מענער זענען אין איין רגע געבליבן אָן ווײַבער. טאַטעס אָן קינדער. קינדער אָן מאַטעס. טאָמער האָט אימעצער געוואָלט מיטגיין מיטן ווײַב, מיט טאַטע־מאַמע — האָבן אים די באַנדיטן מערדערלעך געשמיסן איבערן קאָפּ און בשום אופן נישט געלאָזט. צו וואָס? אַז מאָרגן אָדער איבער מאָרגן וועט ער סײַ ווי סײַ אַרײַנפאַלן אין זייערע הענט.

צענדליקער טויזנטער מענטשן זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן פון די „שאָפּעס".

הונדערטער טויזנטער זענען שוין נישטאָ.

איז אפשר וועט שוין איצט זײַן גענוג? איז נאָך אַלץ די חיה נישט געזעטיקט? האָט זי זיך נאָך אַלץ נישט אָנגעזופּט מיט אונדזער בלוט?

עס גייט שוין דער 31טער אויגוסט, דער פּערציקסטער שחיטה־טאָג. עפּעס אַ רויִקער טאָג. די גאַסן ליגן אויסגעשטאָרבענע, פאַרגאָסענע מיט זון. הײַנט שיסט מען נישט. מען פירט נישט קיין פּאַרטיעס און מען פירט נישט קיין מתים. זאָל די מגפה האָבן זיך אײַנגעשטילט?

דאָ און דאָרט באַווײַזט זיך אַ קאָפּ. אַ ייִנגל קומט אַרויס פון אַ לאָך און האָט צו פאַרקויפן פּאַפּיראָסן. ווי גליקלעך מען איז! אַ סימן פון לעבן האָט זיך באַוויזן. צוויי הונדערט טויזנט ייִדן זענען שוין ביז הײַנט פאַרטיליקט געוואָרן. צוויי הונדערט טויזנט קדושים. אָבער די וואָס זענען געבליבן, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט, ווילן ווײַטער לעבן.

אמת, אין גאַס איז שוין אַ ביסל צו שטיל. צו שטיל איז אויך נישט גוט. מען האָט מורא פאַר דער דאָזיקער שטילקייט. זי זאָגט נישט אָן קיין גוטס. דער מערדער מוז אוודאי פּלאַנעווען אַ נײַע טייוולאָנישע אויסראָטונג.

ווײַל מען דווקא איצט, מיט אַלע רמח אברים ווערט מען זיך, האַלט מען זיך אויף. דווקא איצט, ווען דער טויט גייט דיר נאָך טריט בײַ טריט, ווען ער ליגט מיט דיר אויפן געלעגער, ווען דו עסט אים אַרײַן אין זיך. און פּאַמעלעך, פּאַמעלעך, אַזוי ווי לונאַטיקערס, קריכט מען אַרויס פון די באַהעלטענישן, קוקט מען זיך אום, פרעגט מען איינער דעם אַנדערן וואָס עס הערט זיך אויף דער גאַס און אויף יענער גאַס. אָט פאַרקויפט שוין אימעצער אַ ברויט, אַ ציבעלע, אַ שאַכטל שוועבעלעך. אָט גייט שוין אַ רויך פון אַ קוימען. אַ סימן אַז מען קאָכט אַ ביסל געקעכטס. אַ קאַץ באַווײַזט זיך, אַ הונט בילט, אַלץ סימנים פון לעבן. אויף איין אָרט קלאָגט מען אַ ביטערע קלאָג: עס פעלן גאַנצע משפחות. און אויף אַן אַנדער אָרט פאַלט מען זיך אויף די העלדזער. מען איז דאָ! מען איז נישט אומגעקומען! מען לעבט!

אַזוי גייט איין טאָג, נאָך אַ טאָג, אַ דריטער טאָג. די חרובגעוואָרענע גאַסן ווערן פולער. צו ערשט — דאָ אַ מענטש און דאָרט אַ מענטש, שפּעטער צענדליקער מענטשן, הונדערטער, טויזנטער. מען לויפט גיך, מען קוקט זיך אום. די סכנה לויערט פון יעדן ווינקל, אָבער דער כוח פון לעבן איז שטאַרקער.

מען האָט שוין צײַט צו דערמאָנען זיך אַז אין עטלעכע טעג אַרום איז ראש־השנה. אַ ביטערער ראש־השנה וועט דאָס זײַן, אַ שוואַרצער, אַ פינצטערער. בײַם „מי יחיה" און „מי ימות" וועלן טײַכן טרערן פאַרגאָסן ווערן. זאָל נאָר זײַן רויִק, זאָל מען לאָזן דעם אָטעם כאַפּן.

דער זומער וויל זיך גאָרנישט שיידן מיט דער וועלט. איין טאָג איז זוניקער ווי דער אַנדערער. די וועלט איז שיין. אַלע מענטשן, אַלע באַשעפענישן, אַלע גראָזן און אַלע געוויקסן האָבן דאָס רעכט צו געניסן פון דער שיינקייט. בלויז צוויי הונדערט טויזנט פון אונדזערע ברידער און שוועסטער וועלן שוין קיין מאָל נישט אָנזען די זון. פאַר וואָס . . .

וואָרעם דאָס וואָס די רוצחים האָבן אויסגעקלערט אין פאַרלויף פון די עטלעכע טעג ווען ס'איז מכלומרשט שטיל געווען, דאָס גייט איבער יעדן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. דאָס איז אַזוי ראַפינירט־סאַדיסטיש, אַזוי גזלניש, נאָר די פאַרשאָלטענע גזע פון דיסעלדאָרפער וואַמפּיר האָט געקאָנט פאַלן דערויף.

אין דער נאַכט פון 5טן אויפן זעקסטן סעפּטעמבער, אין דער נאַכט פון שבת אויף זונטיק, ווען פרומע ייִדן האָבן זיך געגרייט צו זאָגן סליחות, איז אַראָפּגעפאַלן אַ נײַער דונער פון הימל. דער לעצטער דונער, אָבער געפאַלן איז ער מיט אַזאַ טייוולאָנישן כוח, מיט אַזאַ ברענענדיקן אימפּעט, אַז ער האָט אָפּגעמעקט אַלץ וואָס האָט נאָך געהאַט אַ שטיקל סימן פון לעבן.

ווי ס'איז שוין פריִער דערציילט געוואָרן, האָבן ייִדן געמעגט גיין אין גאַס פון 5 אַ זייגער פאַר טאָג ביז 9 אַ זייגער אין אָוונט. אין דער נאַכט פון 5טן אויפן 6טן סעפּטעמבער 1942 — האָט מען פּלוצלינג דערהערט הינטער די פענצטערס אַ שטאַרקע אײַלנדיקע באַוועגונג פון טויזנטער, טויזנטער מענטשלעכע פיס. וואָס קומט איצט פאָר אין גאַס? ס'איז דאָך נאָך האַלבע נאַכט. ווער האָט עס דעם מוט צו באַווײַזן זיך איצט אויף דער גאַס? האָט שוין היטלער אײַנגענומען אַ מיתה משונה? איז שוין די וועלט באַפרײַט געוואָרן פון דעם בלוטיקן הונט?

די באַוועגונג איז געוואָרן וואָס אַ מאָל געדיכטער, וואָס אַ מאָל שוימיקער. נישט מען איז געגאַנגען, נאָר געלאָפן. די גאַסן

אַליין זענען, דאַכט זיך, געלאָפן. ווּהין און נאָך וואָס לויפט מען? ווער זענען דאָס די מענטשן? און ווער טרײַבט זיי?

די טויערן, וואָס זענען גאַנצע וואָכן געווען פאַרהאַמערט אין מיטן טאָג, זענען איצט געשטאַנען אָפן. קיין באַלויכטונג האָבן די גאַסן נישט געהאַט. נישט די גאַסן און נישט די שטובן. האָבן זיך גאַנצע מחנות פינצטערע שאָטנס געשטופט אין איין טויער אַרײַן פון אַנדערן טויער אַרויס, געשטופט, געשריגן, געשאָלטן, געיאָמערט.

פאַרשטייט זיך אַז ס'איז נישט געווען אין יענער נאַכט קיין איין ייִדישע שטוב ווּ מענטשן זאָלן קאָנען צוטאָן אַן אויג. מען האָט זיך אויפגעריסן פון די געלעגערס און אין איין פחד — אַראָפגעלאָפן געוואָר ווערן, אפשר אַן ערד־ציטערניש, אפשר אַ שרפה, אפשר באָמבאַרדירט מען די שטאָט?

גענוי האָט קיינער גאָרנישט געקאָנט דערציילן. עס זענען געפאַלן אָפגעהאַקטע פאַרקײַכטע ווערטער, אַז די קהילה האָט געקריגן אַ באַפעל אַלע ייִדן זאָל זיך פרײַוויליק צושטעלן אויפן אומשלאַגפלאַץ. אַנדערע האָבן געטענהט, אַז ס'איז נישט אמת: די קהילה האָט קיין שום באַפעל נישט געקריגן און אויב יאָ, מיינט מען דאָס די ייִדישע פאָליציי. אויב בלויז די פאָליציי, וואָס־זשע לויפן אַלע נישט־פאָליצייִשע ייִדן?

דאָ און דאָרט האָבן זיך פאַרזאַמלט רעדלעך מענטשן. אין דער פינצטער האָט מען געקרעכצט, אין דער פינצטער האָט מען זיך אָנגעהאַלטן איינער בײַם אַנדערן, מען זאָל זיך נישט פאַרלירן. קינדער, האַלב־נאַקעטע און אויפגעריסענע פון שלאָף האָבן זיך געטוליעט צו זייערע מאַמעס. וואָס וועט זײַן מיט אונדז? — האָבן אַלע געפרעגט. — וואָס גייט אויף אונדז?

און פונקט אַזוי ווי אַ שווערקראַנקער וואַרט אויפן ערשטן שײַן פון טאָג, מיינענדיק אַז די יסורים זײַנע וועלן געלינדערט ווערן, אַזוי האָבן הונדערט און פופציק טויזנט ייִדן, וואָס האָט זיך דערווײַל אָפגעראַטעוועט פון אונטערגאַנג, געוואַרט אויפן טאָג.

דער טאָג איז ענדלעך געקומען — אַזוי ווי אויף להכעיס, אויסגעלײַטערט און זוניק. ערשט איצט האָט מען געזען ווי אַזוי די מענטשן זעען אויס — צעקנייטשטע און צעבראָכענע, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, מיט אײַנגעפאַלענע פנימער, מידע פון דעם פײַן, אַפאַטישע, רעזיגנירטע. זאָל שוין זײַן וואָס עס האָט צו זײַן. זאָל מען אונדז שיסן, זאָל מען אונדז שעכטן, אָבער זאָל מען אַזוי נישט פײַניקן, נישט מאַטערן מיט דעם אומבאַקאַנטן, וואָס לויערט אויף אונדז.

בײַ דער ליכטיקער שײַן פון טאָג האָבן שוין די מענטשן אין גאַנצן פאַרלוירן דעם פאַרשטאַנד. מען איז געלאָפן ווי די משוגענע אין אַלע זײַטן. אימעצער איז צוריקגעקומען פון דער קהילה מיט אַ ידיעה אַז דאָרטן ווייסט מען פון גאָרנישט. לײַכטזיניקע האָבן געגלויבט און מיט דערלײַכטערונג אָפגעזיפצט. אַנדערע, די וואָס זענען געוווינט נישט צו גלייבן און יענע וואָס ווייסן אַז אַ הונט בילט און היטלער רעדט איז אַלץ איינס — האָבן שווער און ביטער אָפגעזיפצט. גלאַט איז עס נישט.

און עס איז טאַקע נישט געווען גלאַט. אַרום זיבן אַ זייגער אין דער פרי האָבן זיך באַוויזן פלאַקאַטן אויף די מויערן, אונטערגעשריבן ווידער בלויז דורכן ייִדישן ראַט, אַז לויט דער פאַראָרדענונג פון דער דײַטשער מאַכט (אַלע פאַראָרדענונגען בנוגע דעם גירוש האָבן די דײַטשן געגעבן דער ייִדישער קהילה מינדלעך) מוזן אַלע ייִדן וואָס באַוווינען דאָס אַזוי גערופענע גרויסע געטאָ, פאַרלאָזן זייערע היימען הײַנט ביז 10 אַ זייגער אין דער פרי און פאַרזאַמלען זיך אויף די גאַסן: סמאָטשע, גענשע, דזשיקע ביזן פוריסאָווער פלאַץ. די שטובן טאָרן נישט ווערן פאַרשלאָסן. אַלץ וואָס עס געפינט זיך אין שטוב מוז בלײַבן אַזוי ווי עס גייט און שטייט. מיטנעמען מעג מען בלויז עסנוואַרג אויף דרײַ טעג און אַ כלי אויף וואַסער. ווער פון די ייִדן עס וועט בלײַבן אין גרויסן געטאָ נאָך 10 אַ זייגער, דער וועט דערשאָסן ווערן.

אין פלאַקאַט איז אויך געזאָגט געוואָרן, אַז דאָס פאַרזאַמלען זיך אויף די גאַסן: סמאָטשע, גענשע, דזשיקע ביזן פוריסאָווער פלאַץ קומט פאָר צוליב רעגיסטראַציע.

וואָסער רעגיסטראַציע? וועמען גייט מען דאָ רעגיסטרירן? דאָס איז אין פלאַקאַט נישט געזאָגט געוואָרן (הגם אַלע פלאַקאַטן, אונטערגעשריבענע פון ייִדישן ראַט זענען אַזוי נישט קלאָר און אַזוי נאַריש, אַז מען האָט זיי געקאָנט לייענען פון אויבן ביז אַראָפ און פון הינטן אַרויף).

מילא, נישט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז אַז דעם דאָזיקן מערדערישן באַפעל האָט די ייִדישע קהילה באַקומען מינדלעך אין מיטן דער נאַכט. ביז 7 אַ זייגער אין דער פרי האָט די קהילה נישט באַוויזן אָפצודרוקן די פלאַקאַטן. אָבער מענטשן זענען סײַ ווי סײַ געוואָר געוואָרן און אין מיטן דער נאַכט גענומען לויפן (דער פלאַקאַט, וואָס האָט זיך באַוויזן דעם 6טן סעפטעמבער אין דער פרי, האָט דערלויבט צו גיין אַ גאַנצע נאַכט פון 5טן סעפטעמבער).

ווּהין מען לויפט, נאָך וואָס מען לויפט, האָט זיך קיינער נישט אָפגעגעבן קיין חשבון.

ס'איז נישט צו באַגרײַפן מיטן פשוטן שכל ווי אַזוי הונדערט און פופציק טויזנט מענטשן, אויפן סמך פון איין נאַריש שטיק פאַפיר, האָבן איבערגעלאָזט אויף הפקר זייער האָב און גוטס און געלאָפן איבערגעבן זיך אין די הענט פון גזלן.

קיינער האָט זיך נישט אָריענטירט, אפשר געציילטע, אַז דאָס אַרײַנטרײַבן די מענטשן אין פיר אָדער פינף געציילטע גאַסן — אין אַ שטײַג, פון וועלכער די מערדערס וועלן יעדן איינציקן אַרויסנעמען קושנדיק. דער היטלעריסטישער פלאַן איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך טײַוואָלאָנישער. צו וואָס דאַרפן די באַנדיטן גיין פון גאַס צו גאַס און פון הויז צו הויז, אַז זיי קאָנען האָבן אַלע ייִדן אויף איין אָרט און דאָ טאָן מיט זיי וואָס דאָס האַרץ וועט נאָר גלוסטן.

דאָס מאָל זענען זיך די דײַטשע רוצחים באַגאַנגען אָן דער ייִדישער פאָליציי. ווײַל אויך די ייִדישע פאָליצייִשע הינט האָבן זיך געמוזט פאַרזאַמלען אין די עטלעכע פריִער דערמאָנטע גאַסן.

זעט אויס אַז די ייִדישע משרתים האָבן שוין פאַרלוירן די לײַטזעליקייט אין די אויגן פון די היטלעריסטישע מושלים. מען האָט די יאָגהינט שוין נישט באַדאַרפט, איז זייער גורל אויך געווען אַ געחתמעטער.

האָט מען באַדאַרפט זען ווי אַזוי די דאָזיקע „העלדן” האָבן אויסגעזען לויפנדיק צוזאַמען מיט אַלע אומגליקלעכע. צעשראָקענע הינט זענען דאָס געווען, נעבעכדיקע, ברודיקע — נישט קיין הינט אייגנטלעך, נאָר לײַז, וואָס זענען געקראָכן אויף אַלע פיר, באַהאַלטן זיך אויף בוידעמער, אין קעלערס — און וווינונגען, וואָס זיי אַליין האָבן אויפגעהאַקט און צעראַבעוועט. פופצן הונדערט

ייִדישע פּאָליציאַנטן האָט מען אויפן אָרט אָפּגעזאָגט זייערע פּאָסטנס און אַזוי אַרום אויסגעליפערט זיי די דײַטשן. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן די פּאָליציייִשע היטלען, די אָרעמבענדער און אַזוי אַרום געוואָלט זיך ראַטעווען.

און כאָטש די ייִדישע באַפעלקערונג איז געווען פאַרבײַ און געפילט אַז זייער גורל איז שוין אין גאַנצן קיין גורל נישט, האָבן זיי זיך פאָרט געקילט דאָס האַרץ זעענדיק ווי די ייִדישע אויסוואָרפן לויפן ווי די פאַרסמטע מײַז און ווילן זיך אויסבאַהאַלטן פון דער היטלעריסטישער שווערד.

און די פּראָצעסיע פון גרויסן געטאָ אין די פיר גאַסן אַרײַן איז געגאַנגען און געגאַנגען. ימים מענטשן אָן געפּעק און מיט געפּעק. מען איז געגאַנגען ערגעץ ווײַנען אויף דרײַ טעג און מען האָט נישט געוווּסט ווּ. אויפן וועג איז מען געפאַלן אין חלשות. אין מיטן גיין האָט מען אַוועקגעוואָרפן בעטגעוואַנט, וואַליזקעס — ס'איז שווער געווען צו טראָגן. און צו וואָס דאַרף מען דאָס טראָגן, אַז סײַ ווי סײַ גייט מען צו דער עקדה?

הונדערט און פופציק טויזנט אומגליקלעכע האָבן געשטראָמט ווי אַ צעשטורעמטער ים; פון דער לעש, קאַרמעליצקע, דזשיקע, נאָוואָליפּקע צו די זאַמלפּונקטן אויף סמאָטשע, גענשע, דזשיקע אאַ"וו. מען האָט זיך צעלייגט אין פרעמדע הייף, אין פרעמדע הײַזער, אויף פרעמדע שטיגן, פרעמדע קעלערס און אויף פרעמדע בוידעמער. פּונקט צען אַ זייגער זענען דורך דער דײַטשער זשאַנדאַרמעריע פאַרמאַכט געוואָרן די גאַסן פון וואַנען מען האָט געמוזט אַרויס. לויט אַלע סימנים זענען אין יענע גאַסן קיין ייִדן נישט געבליבן. נאָר אַזוי פיל מכות זאָלן זיך שטעלן היטלערן אין האַלדז וויפל ייִדן עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. אַ סך האָט מען געפונען און דערשאָסן אויפן אָרט. אַנדערע איז געלונגען אויסצומײַדן די קויל און זיי לעבן ביזן הײַנטיקן טאָג.

אין די פאַרלאָזטע וווינונגען האָבן גלײַך די היטלעריסטישע באַנדעס גענומען ראַבעווען. קיין טירן האָט מען נישט באַדאַרפט האַקן, אַלע שטובן זענען געשטאַנען אָפן — האָט מען געגזלט מיט אַ ברייטער האַנט. און דאָ אין דעם קעסל — סמאָטשע, גענשע, דזשיקע — האָבן זיך געשטיקט צענדליקער טויזנטער ייִדן מיט'ווײַב און קינד — הונגעריקע, דאָרשטיקע, פאַרצווייפלטע און געוואַרט אויפן מישפּט.

און דאָס מישפּט איז געווען נישט צו באַשרײַבן און נישט נאָכצודערציילן.

די דײַטשן האָבן באַשלאָסן איבערצולאָזן אין וואַרשע נישט מער ווי פינף און דרײַסיק טויזנט ייִדן. פאַר די דאָזיקע פינף און דרײַסיק טויזנט זענען באַשטימט געוואָרן נומערן, וואָס סײַ די קהילה האָט אַרויסגעגעבן און סײַ די דײַטשע אונטערנעמונגען, ווּ ייִדן האָבן געאַרבעט.

צוויי מאָל הונדערט טויזנט ייִדן זענען ביז הײַנט שוין אָפּגעמעקט געוואָרן. איצט דאַרף מען אָפּרוימען די איבעריקע הונדערט און פופצן טויזנט און איבערלאָזן נישט מער ווי פינף און דרײַסיק טויזנט.

מען האָט זיי דאָ אַלע אַהער געטריבן. אַרײַנגעיאָגט ווי די סטאַדעס שעפּסן אָן דעם מינדסטן וואָרט פון פּראָטעסט, אָן דעם מינדסטן געשרײַ, אָן דעם מינדסטן רוף נאָך הילף, נאָך שוץ... און צו וועמען איז דאָ געווען צו רופן, וועמען האָט מען דאָ באַדאַרפט, אַז די ייִדישע קהילה האָט גלײַך אויפן אָרט רעדוצירט 75 פּראָצענט פון אירע באַאַמטע און אַזוי אַרום איבערגעגעבן זיי אין די הענט פון טויט. זיי האָבן קיין נומערן נישט באַקומען — די דאָזיקע באַאַמטע — נישט זיי און נישט זייערע משפּחות. אָן אַ נומער איז נישט געווען קיין אַנדערער אויסוועג: אָדער זעלבסטמאָרד, אָדער אומשלאַגפּלאַץ. אייניקע האָבן אויסגעקליבן דעם ערשטן וועג, און אויפן הויף פון דער ייִדישער קהילה, און אין די אויגן פון חברים און פרײַנד אַ סוף געמאַכט צו זייער לעבן. דער רוב, אָדער עטלעכע טויזנט מענטשן — מיט ווײַב און קינד האָט דער פאָרזיצער פון ייִדישן ראַט אינזש' מ. ליכטענבוים, געוואָרפן פאַר די פיס די היטלעריסטישע חיות.

אַזוי האָט אויך געטאָן דער באַשפּײַזאַמט, ווּ אַברהם געפּנער דער איידעלער ייִד איז געווען פאָרזיצער.

אַזוי האָט אויך געטאָן דער ייִדישער הילפס־קאָמיטעט, שוין אָפּגערעדט פון די דײַטשע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן באַשעפּטיקט ייִדן...

אַלע די, וואָס האָבן געקריגן נומערן און אָנגעשפּילעוועט זיי אויף די קלאַפּעס אַזוי ווי פאַרברעכערס, זענען זוכה געווען צום „מי יחיה”, אַלע איבעריקע, וואָס האָבן קיין נומערן נישט געקריגן (דער רוב מנין ורוב בנין) זענען אין איין אויגנבליק פאַרמישפּט געוואָרן צום „מי ימות”.

דער „מי ימות” האָט זיך אָנגעהויבן זונטיק דעם 6טן סעפּטעמבער 1942 10 אַ זייגער אין דער פרי און געדויערט האָט ער ביז פרײַטיק דעם 11טן סעפּטעמבער, ערב ראש־השנה פאַר נאַכט.

אין פאַרלויף פון די דאָזיקע זעקס טעג האָבן די פּרײַסישע יונקערס אָפּגעמעקט פון דער ערד הונדערטער טויזנט ייִדן. ס'איז צוגעגאַנגען אָן גרויסע שוועריקייטן. האָט מען דאָך אַלע ייִדן צונויפגעטריבן אין דרײַ, צי אין פיר גאַסן. די גאַסן האָט מען אַרומגעצוימט מיט באַוואָפנטע זשאַנדאַרן, אַזוי ווי מיט אַ קייט. אויף יעדן טריט און שריט אַ ביקס. יעדע פאָר מינוט אַ קנאַל פון אַ קויל. די הונדערט און פופציק טויזנט ייִדן זענען געלעגן אין שטאַלן, אין שאָפעס, אונטערן הימל, ווּ ס'האָט זיך נאָר געלאָזט האָבן זיך די מענטשן געשטופּט — געשאָלטן איינער דעם אַנדערן, געזידלט, געגנבעט איינער בײַם אַנדערן עסנוואַרג — און ווי די בהמות געוואַרט ביז דער דײַטשער תלין וועט זיי פירן צו דער תליה. נישט ווי בהמות, נאָר ווי נישטיקע ווערעם. וואָרעם בהמות, ווען זיי דערפילן דעם אָטעם פון טויט, שרײַען זיי, ווערן זיי זיך, לאָזן זיי זיך נישט. אונדז ייִדן האָט היטלער דערפירט צו אַזאַ מדרגה, אַז אין אָנבליק פון אומקום האָבן מיר אפילו נישט געשריגן, נישט געווערט זיך. ער האָט אונדז געהייסן גיין אין אַ שטײַג אַרײַן און מיר זענען געגאַנגען. אַ קליין הייפל האָט זיך אויסבאַהאַלטן, אָפּגעראַטעוועט זיך דערווײַל. אָבער 99 פּראָצענט ייִדן, צעטומלטע, צעמישטע, האַלב־משוגענע האָבן זיך געלאָזט פאַרנאַרן און אַליין איבערגעגעבן זיך אין די מערדערישע הענט.

און די מערדערישע הינט האָט געשניטן, אַזוי ווי מיט חלפים. זיי זענען געגאַנגען פון הויז צו הויז, אַזוי דײַטשן און אַזוי די אוקראַיִנער, מיט געשריי מיט שלאָגן איבערן קאָפּ, מיט רעוואָלווערשאָסן אַרויסגעטריבן אויף דער גאַס אַלע פאַרזאַמלטע סײַ די וואָס האָבן זוכה געווען צו קריגן נומערן און סײַ יענע וואָס האָבן צו די נומערן נישט זוכה געווען. אויף דער גאַס האָבן זיך אַלע געמוזט אויסשטעלן אין רייען, צו פינף מאַן אין אַ ריי. די היטלעריסטישע הענקערס זענען געשטאַנען מיט ראַפּניקעס אין איין האַנט, מיט רעוואָלווערן אין דער אַנדערער און געציילט. געציילט אַזוי לאַנג,

ביז ס'איז זיי נמאס געוואָרן. אין מיטן ציילן אָפּגעהאַקט — איין טייל, די מיט נומערן, האָט מען געהייסן אַהיימגיין און די צווייטע טייל אָן די נומערן האָט מען גלײַך אַרומגערינגלט און הײַדאַ אויפן אומשלאַגפּלאַץ, באַגלייט מיט קוילן און מיט נאַהײַקעס.

אָבער זאָל מען נישט מיינען, אַז אַלע וואָס האָבן פאַרמאָגט די נומערלעך האָט מען אָפּגעלאָזט. דאָס האָט זיך שוין געווענדט אין דעם דײַטשן הענקער. אויב אימעצער איז אים נישט געפעלן מעג זײַן מיט אַ נומער — האָט ער אים אַרויסגעשלעפּט פון דער ריי, מערדערלעך געשמיסן איבערן קאָפּ און אָפּגעשיקט אים צו די פאַרמישפּטע. אַזעלכע נומערירטע זענען געווען אין די טויזנטער. אַזוי אַרום האָט מען גערוימט טאָג־איין טאָג־אויס, פון זעקס אַ זייגער אין דער פרי ביז זעקס אַ זייגער פאַר נאַכט. מענטשן זענען געלעגן פאַרחלשטע, אָן ברויט און אָן וואַסער. האָט מען אימעצן געפונען באַהאַלטן, האָט מען אים אַרויסגעשלעפּט אויף דער גאַס, געהייסן אָפּגיין עטלעכע טריט און אין מיטן העלן טאָג, ווען די זון האָט געשײַנט געשיקט אים אַ קויל אין קאָפּ אַרײַן. האָט אימעצער געפּרוּווט אַנטלויפן אָדער צופעליק אַרויסגערוקט זיך פון דער ריי — אַ קויל אין קאָפּ אַרײַן. די דײַטשע אויסוואָרפן, אָנגעפרעסענע מיט אונדזער בלוט, צוזאַמען מיט די אוקראַיִנישע באַנדיטן זענען געקראָכן אויף בוידעמער און אויף דעכער און אויפגעריסן די דעכער מיט האַנטגראַנאַטן, טאָמער באַהאַלטן זיך דאָרט אימעצער.

איין גרויסע קופּע מיסט און איין גרויסער טײַך בלוט איז געוואָרן פון אַלע הייף, פון אַלע שטיבער, פון אַלע טויערן. אַלע טאָג האָט מען אַרויסגעפירט צענדליקער טויזנטער מענטשן; אַ סך האָט מען אַרויסגענאַרט מיטן צוזאָג אַז זיי זענען פרײַ און גייען אַהיים. אַנדערע זענען אַרײַנגעפאַלן, אַזוי ווי מידע פליגן, האַרבסטצײַט, ווען די כוחות זייען זיי שוין אויס.

אויף דער גאַס האָט מען געקאָנט זען: פון איין זײַט יאָגט מען צום טויט צענדליקער טויזנטער פאַרפּײַניקטע, אויסגעהונגערטע, דאָרשטיקע מענטשן און פון דער אַנדערער זײַט פאָרן אַרום די יִדישע עגלה־וואָגנס און קלויבן אויף די דערשאָסענע. נישט אין ווײַסע לײַלעכער וויקלען זיי הרוגים און נישט אין תכריכים טוט מען זיי אָן, נאָר מען שלעפּט זיי, ווי נבלות, בײַ די הענט און בײַ די פיס — און מען וואַרפט זיי אַרײַן אין די וואָגנס, אָדער אויף די וואָגנס אַרויף.

עגלה־וואָגנס ווערן נישט אָנגעפירט דורך קיין פערד, נאָר דורך מענטשן, שוואַרצע עגלה־יִדעלעך, מרדכי פינקערטס לײַבגוואַרדיע שלעפּן די הרוגים. צו פינף און צו צען אין איין קאַסטן. פרויען, מענער, קינדער, אַלץ צוזאַמען. פון די וואָגנס רינט בלוט. דאָס בלוט צייכנט דעם וועג, אַזוי ווי מיט רויטע שנירן.

די עגלה יִדעלעך זענען גלײַכגילטיק צו דער גרויסער בראָך. אין אָנבליק פון טויט, אין אָנבליק פון פאַרגליווערט בלוט, אין אָנבליק פון קינדערשע מאַרכן, וואָס וואַלגערן זיך אויף די שטיינער — פירן זיי נישט אַוועק די הרוגים גלײַך אויפן בית־עולם — נאָר פאַרפאָרן צו ערשט מיט די עגלות אין זײַטיקע טויערן אַרײַן, פאַרמאַכן זיך דאָרט אויף זיבן שלעסער און ציִען אַראָפּ פון הרוג די מלבושים. זוכן אין די פאַרבלוטיקטע מיט מאַרך פאַרשפּריצטע קעשענעס, גזלן צו געלט, זייגערלעך, פינגערלעך (יעדער איינער האָט דאָך עפּעס מיטגענומען). דאָס געלט קלעפּט זיך פון בלוט, פון די זייגערלעך רינט בלוט, פון די פינגערלעך טריפט בלוט, אָבער די עגלה־יִדעלעך שרעקט דאָס נישט אָפּ. ערשט שפּעטער, ווען מען האָט שוין אָפּגעטאָן די הרוגים זייער רעכט, וואַרפט מען זיי צוריק אַרויף אין וואָגן און מען שלעפּט זיי אויפן בית־עולם.

אויך דאָ וויקלט מען זיי נישט אין קיין ווײַסע לײַלעכער, און מען ציט נישט אַרויף אויף זיי קיין תכריכים, נאָר אַזוי, ווי זיי שטייען און גייען וואַרפט מען זיי אַרײַן אין אַ גרויס ברידער־קבר, מענער מיט פרויען צוזאַמען אָן אויסנאַם. קיינער וועט נישט וויסן ווּ זייערע ברידער געפינען זיך, און קיינער וועט נאָך זיי קיין קדיש נישט זאָגן. צו אַזאַ מדרגה, צו אַזאַ שפלות און פאַרברעכערישקייט האָט היטלער דערפירט אַ גרויסן טייל פון פוילישן יִדנטום.

ער האָט געפירט דערצו, אַז דרײַ מאָל הונדערט טויזנט וואַרשעווער יִדן האָבן אויסגעשטרעקט צו אים דעם האַלדז און אָן דעם מינדסטן געשרײַ אָן דעם מינדסטן קאַמף געזאָגט:

— שעכט אונדז!

און ער האָט געשאָכטן.

אין פאַרלויף פון די זעקס טעג, ד"ה פון 6טן ביזן 11טן סעפּטעמבער 1942, האָבן די דײַטשע באַנדיטן אויסגערוימט פון וואַרשע גאַנצע הונדערט טויזנט מאַן. דער אומשלאַגפּלאַץ איז יעדן טאָג איבערגעגאַנגען פון צענדליקער טויזנטער פאַרפּײַניקטע. מען האָט נישט געהאַט ווּ צו זיצן און נישט געהאַט ווּ צו שטיין, די וואַגאָנען האָבן זיך געבראָכן פון מענטשן. די געשרייען מיט די יללות האָבן געשפּאָלטן די הימלען. אין די 6 פינצטערע טעג האָבן די געסטאַפּאָ־רויבערס אויסגעשאָסן אין וואַרשע אָן ערך פון צען טויזנט מאַן — מענער, פרויען און קינדער. די איבעריקע נײַנציק טויזנט מאַן זענען אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף אונטערגאַנג.

פון 22טן יולי ביזן 11טן סעפּטעמבער, ד"ה פון תשעה־באב ביז ערב ראש־השנה, האָט געדויערט די שחיטה. אין פאַרלויף פון דרײַ און פופציק טעג האָט די היטלעריסטישע בעסטיע אומגעברענגט אַ קיבוץ פון דרײַ מאָל הונדערט טויזנט יִדן. צווישן די דרײַ מאָל הונדערט טויזנט יִדן זענען געווען אָן ערך פון הונדערט און פופציק טויזנט קינדער. אונדזערע קינדער, אונדזער צוקונפט, אונדזער ווײַטערדיק לעבן. אונטערגעשניטן, אויסגעוואָרצלט אונדז אָן דעם מינדסטן אײַנזען.

אַ וויסטע בראָך איז צו אונדז, אַז פון דרײַ מאָל הונדערט טויזנט אונדזערע ברידער זענען געבליבן אָן ערך פון פופציק טויזנט. די ערגסטע זענען געבליבן, די גרעבסטע, דאָס ערב־רב. פינף און דרײַסיק טויזנט האָבן געמוזט בלײַבן אָפיציעל. פאַר זיי וועלן די דײַטשן געבן אַ פערטל קילאָ ברויט אַ טאָג און אַ וואַסערדיקע זופּ. די איבעריקע פופצן טויזנט גייען אַרום ווי די מתים. זיי האָבן נישט קיין נומערלעך. זיי זענען אַזוי אַרום אומלעגאַל און וועלן נישט קריגן נישט קיין כזית ברויט און נישט קיין לעפל זופּ. זיי האָבן נישט ווּ צו וווינען. וואַלגערן זיך ערגעץ אויף בוידעמער, אונטערן פרײַען הימל און פּאַכן מיט דער נשמה, אַז אָט־אָט כאַפּט מען זיי און מען ברענגט זיי אום.

הײַנט, ווען איך האַלט בײַם ענדיקן די דאָזיקע שורות, איז שוין הושענה־רבה. דאָס שוואַרצע קוויטל האָבן מיר אַרויסגעצויגן תשעה־באב. וואָס מיט אונדז וועט זײַן ווײַטער, ווייסן נאָר די געסטאַפּאָ־לײַט. דערווײַל ווערט דאָס געטאָ פון טאָג צו טאָג ענגער. מען האָט אונדז אַרויסגעטריבן פון דער לעש, פון נאָוואָליפּיע, נאָוואָליפּקע, אײַזן־גאַס, טוואַרדע ראַיאָן, דזשעלנע און אַרײַנגעוואָרפן אונדז אין אַ שטיקל דזשיקע, אַ שטיקל נאַלעווקעס, וואָלינסקע־גאַס, מילע, פּוריסאָווער פּלאַץ און שוין, דאָ דאַרפן מיר דער־

שטיקט און דערוואָרגן ווערן. מען מויערט אונדז אויף ס׳ניי אַרום — די מויער וועט גיין אין מיטן גענשע, פֿראַנטשישקאַנער־גאַס ביז דער באָניפֿראַטן־גאַס — אַ שטח וווּ מיר וועלן נישט קאָנען דעם אָטעם כאַפּן. די ייִדישע קהילה שטעלט די נײַע מויער. זי שטעלט די מויער מיט ייִדישע הענט, מיט ייִדישע מענטשן, וואָס זי רופֿט אויף דער גאַס, אָדער שלעפּט אַרויס פֿון די שטובן.

אַלץ טוט די ייִדישע קהילה מיטן פּרעזעס ליכטענבוים בראש. זי איז, אייגנטלעך, געשאַפֿן געוואָרן דערויף, זי זאָל אומברענגען דרײַ מאָל הונדערט טויזנט ייִדן.

דרײַ מאָל הונדערט טויזנט מענטשן האָבן נישט געהאַט דעם מוט צו זאָגן „ניין“. יעדער איינער האָט געוואָלט ראַטעווען נאָר זיך. אַפֿילו אַן אייגענעם טאַטן האָט מען מקריב געווען, אַן אייגענע מאַמע, אַן אייגן ווײַב און אייגענע קינדער.

די ייִדישע אַרבעטערשאַפֿט, דער איינציקער כוח וואָס האָט זיך אפשר געקאָנט און געוואַגט אַנטקעגנצושטעלן, איז אויסגעשטאָרבן פֿון הונגער און פֿון טיפֿוס... די פֿירערס פֿון דער ייִדישער אַרבעטערשאַפֿט זענען אומגעקומען.

זענען דרײַ מאָל הונדערט טויזנט ייִדן געגאַנגען צו דער שחיטה, ווי שעפּסן.

טשערניאַקאָוו האָט נישט געהאַט דעם מוט און די דרייסטקייט צו זאָגן פֿאַרן טויט — פֿאַרטיידיקט אײַך, לאָזט אײַך נישט אויסשעכטן — זענען דרײַ מאָל הונדערט טויזנט ייִדן געגאַנגען צו דער שחיטה, אַזוי ווי די שעפּסן.

מיט וואָס וועט זיך פֿאַרענטפֿערן די גרעסטע ייִדישע קהילה אין אייראָפּע?

און פֿאַרטיידיקן זיך, נישט לאָזן זיך שעכטן ווי די נאַרישע אָקסן, האָט מען געקענט. ווען אַלע ייִדן גייען אַרויס פֿון די הײַזער, ווען אַלע ייִדן רײַסן זיך אַדורך דורך די מויערן (דאָס איז זייער גרינג געווען), ווען מען פֿאַרפֿלייצט אַלע וואַרשעווער גאַסן — די ייִדישע און נישט־ייִדישע מיט געשריי, מיט העק, מיט שטיינער, מיט האַקמעסערס, וואָלט מען פֿון אונדז אויסגעשאָסן צען טויזנט, צוואַנציק טויזנט — דרײַ מאָל הונדערט טויזנט מענטשן מיט אַ מאָל וואָלט ער נישט אויסגעשאָסן. מיר וואָלטן געשטאָרבן אַזוי אַרום מיט כבוד. די וואָס וואָלטן געבליבן בײַם לעבן וואָלטן זיך פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד אין אַלע שטעטלעך, אין אַלע דערפֿער — אַזוי גרינג אונדז אויסצוראָטן וואָלט דעם היטלערישן רוצח נישט אָנגעקומען.

שענדלעך איז געווען דער אומקום פֿון גרעסטן ייִדישן קיבוץ אין אייראָפּע. אַ שענדלעכע ראָלע האָט דערבײַ געשפּילט די גרעסטע ייִדישע קהילה אין אייראָפּע, וווּ עס זענען געשטאַנען מענטשן וואָס זענען ווערט געווען מען זאָל יעדן איינציקן אויפֿהענגען אין מיטן גאַס אויף אַ לאַמטער.

די צעבראָכנקייט, דער פּחד פֿאַרן אייגענעם לעבן איז אַזוי ווײַט דערגאַנגען, אַז קיינער פֿון דרײַ מאָל הונדערט טויזנט ייִדן האָט אַפֿילו נישט געהאַט דעם כּוח אויסצוהאַקן די ציין כאָטש דעם ערשטן בעסטן ייִדישן פּאָליציאַנט, אַוועקלייגן אַ טויטן אַזאַ ייִדישן מנוּוול. אַפֿילו צו אַזאַ טאַט האָבן די וואַרשעווער ייִדן נישט געקאָנט דערגיין.

אויב אַ קיבוץ פֿון דרײַ מאָל הונדערט טויזנט ייִדן האָט זיך נישט געפּרוּווט אַנטקעגנצושטעלן אין דער קלענסטער מאָס, אויב מען האָט אַליין אויסגעשטרעקט דעם האַלדז אונטערן חלף, אויב מען האָט קיין איין דײַטשן רוצח דערבײַ נישט אומגעברענגט, קיין איין ייִדישן מנוּוול נישט אַוועקגעלייגט — איז אַזאַ דור ייִדן אפשר ווערט געווען דעם פֿינצטערן גורל.

אָט אַזוי איז חרוב געוואָרן דאָס ייִדישע וואַרשע. חרוב ומוחרב. די בראָך איז גרעסער ווי מען קאָן זיך פֿאָרשטעלן. דער, וואָס האָט עס מיטן אייגענעם בלוט נישט איבערגעלעבט, דער וועט עס נישט באַגרײַפֿן. דאָס אַלץ וואָס איז דאָ באַשריבן געוואָרן איז אַ טראָפּן אין ים. ס׳איז נישטאָ די פֿעדער וואָס זאָל עס קאָנען אַרומנעמען אין גאַנצן גרויל.

אונדזער אומשולדיק פֿאַרגאָסן בלוט וועט דורות לאַנג שרײַען פֿון דער ערד. זאָלן די, וואָס וועלן בלײַבן, נישט סיין חילוק ווו זיי וועלן זיך געפֿינען, נעמען נקמה. די דאָזיקע ווערטער זאָלן זײַן אַן אָנהייב פֿאַר די, וואָס בלײַבן און קאָנען נקמה נעמען.

3־8 — 10־2, 1942

* * *

ד״ר עמנואל רינגעלבלום

די שינאה צו דער פּאָליציי

ווי לאַנג עס האָט געדויערט די „אַקציע" (אַזוי האָט מען גערופן די שחיטה פון די וואַרשעווער ייִדן) אַזוי לאַנג האָט דער עולם געשוויגן. מען האָט זיך געלאָזט פירן ווי שאָף צום שעכטהויז. עס איז מיר באַקאַנט, אַז טרעגערס פון צענטאָס־מאַגאַזין, ריזן, וואָס האָבן נישט איין מאָל באַוויזן דעם כוח אין דער צײַט פון סכנה, האָבן זיך בשעת דער „אַקציע" געלאָזט פירן ווי לעמעלעך. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערן וועגן דעם רוב מאַנסבילן און פרויען גענומענע אויפן „אומשלאַג" בשעת דער „אַקציע". דאָס וועט בלײַבן אַן אייביקע רעטעניש — אָט די דאָזיקע פּאַסיווקייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אויך לגבי דער אייגענער פּאָליציי. איצט, ווען דער עולם האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט און מען מאַכט דעם סך־הכל פון דעם פאָרגעקומענעם, דערוועקט זיך דאָס געפיל פון בושה, וואָס מען האָט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד אַפילו דער אייגענער פּאָליציי. מען דערמאָנט זיך ווער איז געווען שולדיק אין דער מאַסן־שחיטה און מען קומט צו דער איבערצײַגונג, אַז אַ סך שולד איז דאָ פון דער ייִדישער פּאָליציי. מאַנכע באַהויפּטן אַפילו, אַז די איינציקע שולדיקע אין דעם אַלעם זענען ייִדישע פּאָליציאַנטן. און איצט נעמט מען נקמה דערפאַר. בײַ יעדער געלעגנהייט דערמאָנט מען די ייִדישע פּאָליציאַנטן זייער חטא. יעדער פּאָליציאַנט מיט וועלכן איר רעדט איצט איז גאָט די נשמה שולדיק. ער האָט קיין מאָל נישט אָנטייל גענומען אין דער אַקציע. ער איז געווען צוגעטיילט צו דער אָדער צו יענער אינסטיטוציע. אין בעסטן פאַל האָט ער געראַטעוועט פון אומשלאַג מענטשן, געכאַפּט האָבן אַנדערע — נישט ער. לויט די דאָזיקע שמועסן קומט אויס, אַז די וואָס האָבן געכאַפּט אויפן אומשלאַג, זענען גאָר צוגענומען געוואָרן אין פאַרשידענע לאַגערן אָדער קיין טרעבלינקע, בשעת מיר ווייסן, אַז געווען איז פּונקט קאַפּויער. די פרעכע און געמיינע חברה צווישן דער פּאָליציי איז געבליבן צווישן די 300 פּאָליציאַנטן וואָס היטן הײַנט די אָרדענונג אין געטאָ, דערקעגן אַנדערע, די ווייניקער פיפיקע, וואָס האָבן נישט געהאַט גענוג געלט און פּראָטעקציע, זענען אַוועק אָדער קיין טרעבלינקע אָדער אין פאַרשידענע לאַגערן, ווי לובלין.

ווי איך האָב פריִער דערמאָנט, איז איצט געקומען די צײַט פון חשבון הנפש. די צײַט פון רעפלעקסן איבער דעם געשעענעם. מען וויל נעמען נקמה אין די שולדיקע. אַ געהיימע האַנט האָט אַוועקגעלייגט לייקינען, וואָס איז דער הויפּטשולדיקער אין דער איבערזידלונג. אויף שריט און טריט דערמאָנט מען דער ייִדישער פּאָליציי איר שולד אין דער איבערזידלונג. מען פאַרפאָלגט די ייִדישע פּאָליציי ווו מען קען נאָר. אויסער די ייִדן, ווײַזן אַרויס די דאָזיקע שינאה די פּאָליאַקן. די געוועזענע ייִדישע פּאָליציאַנטן, וואָס אַרבעטן אין דער טראַמוויי־רעמיזע, ווערן כסדר פאַרפאָלגט דורך די פּוילישע אַרבעטער. אין רעמבערטאָוו ווערן זיי פאַרפאָלגט אַפילו דורך דײַטשע זעלנער. אין אַ סך שאָפּן זענען געווען פּראָטעסטן קעגן דעם אַרײַננעמען פּאָליציאַנטן אין דעם ווערקשטוץ אָדער פאַבריקן. אין אַ געוויסן שאָפּ האָט מען אַדורכגעפירט אַ באַשלוס, אַז אַלע געוועזענע פּאָליציאַנטן זאָלן באַזײַטיקט ווערן פון שאָפּ. מיר איז באַקאַנט אַ פאַקט, אַז געוועזענע פּאָליציאַנטן פון אַ געוויסער פּלאַצוווקע טראָגן די היטלעך ביז צו דער וואָך, ווײַל אין געטאָ איז דאָך אַ „היטל" חשוב. אויסערן געטאָ טוען זיי אויס די היטלען, ווײַל דאָרט האָבן זיי שוין מורא פאַר דעם פּוילישן עולם, וועלכער האַסט דעם ייִדישן אָרדענונגס־דינסט פאַר זײַנע אויפטוען. אַ זון האָט דערקענט אין גאַס אַ פּאָליציאַנט וועלכער האָט צוגענומען זײַנע עלטערן בשעת דער איבערזידלונג, איז ער אויף אים אָנגעפאַלן. אין שאָפּ פון האַלמאַנען האָט די הילפס־קאָמיסיע בשעת דער איבערזידלונג צוגעטיילט אַן אונטערשטיצונג פאַר אַ קראַנק געוואָרענעם פּאָליציאַנט. די אויפרעגונג קעגן דער הילפס־קאָמיסיע איז אין לשער. און אַזוי אויף שריט און טריט, געוועזענע פּאָליציאַנטן ווערן גערודפט אויף שריט און טריט.

מען דערמאָנט כסדר די מעשים־תעתועים פון דער ייִדישער פּאָליציי פון דער צײַט פון איבערזידלונג. עס ווערט דערציילט פאָלגנדיקער פאַקט: אויף לעשנאָ 50 איז דערהרגעט געוואָרן אַ ייִד. ער איז געלעגן פאַרן טויער. זענען געקומען 2 קברנים מיט אַן עגלה צוצונעמען דעם מת. גראָד דעם טאָג זענען די פּאָליציאַנטן אַרומגעגאַנגען ווי פאַרסמטע, ווײַל יעדער האָט דעם טאָג געמוזט צושטעלן 5 „קעפּלעך". אַנישט האָט מען געדראָעט צוצונעמען די פּאָליציאַנטן מיט זייערע פאַמיליעס. נישט לאַנג טראַכטנדיק האָט דער פּאָליציאַנט צוגענומען די 2 קברנים, איבערלאָזנדיק אויף הפקר דעם מת אין מיטן גאַס. אַ צווייטער פאַקט האָט פּאַסירט אויף לעשנאָ 24. אַ 16יעריקער זון פון אַ בעקער האָט געשלאָגן אַ פּאָליציאַנט וועלכער האָט געוואָלט צונעמען זײַן מוטער. דער בחור האָט צעריסן דעם פּאָליציאַנט די קורטקע. מען האָט דעם ייִנגל אַרײַנגענומען אויפן הויף פון הויפּט־קאָמענדע פון פּאָליציי, דאָרט אים געגעבן 25 שמיץ, צוליב וועלכע ער איז געשטאָרבן.

אַן אַנדערער נישט ווייניקער שרעקלעכער פאַל האָט פּאַסירט בשעת דער איבערזידלונג. אַ פּאָליציאַנט איז אַרײַנגעקומען אָדער ריכטיקער געזאָגט האָט זיך אַרײַנגעריסן אין אַ וווינונג. אַלע לאָקאַטאָרן האָבן זיך ערגעץ ווו פאַרשטעקט. געבליבן איז בלויז אַ 3חדשימדיקער קינד אין וויג. נישט לאַנג געטראַכט האָט דער פּאָלי־

ציאַנט געבראַכט דעם דייַטש וואָס איז געשטאַנען אויפן הויף און אָנגעפירט מיט דער אַקציע. דער דייַטש איז אַרייַנגעפאַלן אין גרימצאָרן, הלמאי ער ברענגט אים אַזעלכע קרבנות, גוט אָנגעשלאָגן דעם פּאָליציאַנט און דאָס קינד דערשאָסן. דעם דאָזיקן פאַקט האָב איך געהערט פון פאַרשידענע זייַטן אַלס הונדערטפּראָצענטיקן.

וועגן די פּאָליציאַנטן אויפן אומשלאַג ווערן דערציילט פאַרשידענע שווידערלעכע דערציילונגען. פאַר זיי האָט נישט עקסיסטירט קיין מענטש, נאָר אַ „קעפּל" (łepek — פון וואָרט łep) , פאַר וועלכן מען קען נעמען אויסלייזגעלט. אויסלייזן האָט מען זיך געקענט נאָר פאַר געלט, בריליאַנטן, גאָלד אד"גל. דער פּרייַז פון אַ קעפּל איז געווען פאַרשידן. לכתחילה 1.000—2.000 זל', שפּעטער מער, ביז וואַנען עס איז דערגאַנגען צו 10.000 זל' פאַר אַ קעפּל. די הייך פון דער סומע איז אָפּהענגיק געווען פון אַ גאַנצער ריי סוביעקטיווע און אָביעקטיווע מאָמענטן. די ייִדישע פּאָליציאַנטן האָבן אין שותפות געמוזט טיילמאָל אַרייַנציִען די „יונאַקעס" (איינגנטלעך „זאָנדערדינסט" — אַ מין פאָרמאַציע פאַרן געטאָ, דער רוב צוזאַמענגעשטעלט פון פאָלקסדייַטשן. זיי זענען אונטערליגן דעם קאָמיסאַר פון געטאָ), וואָס האָבן געהאַלטן דינסט בייַם אומשלאַגפּלאַץ. קיין רחמנות האָבן די ייִדישע פּאָליציאַנטן נישט געהאַט. עס האָט געמעגט זייַן די ווערטפולסטע פּערזאָן, אויב זי האָט נישט געהאַט קיין אויסלייזגעלט אָדער קרובים וואָס זאָלן די געפאָדערטע סומע באַצאָלן, האָט מען אַזאַ פּערזאָן אַוועקגעשיקט. עס זענען באַקאַנט פאַלן ווען פּאָליציאַנטן האָבן אויסער געלט אויך פאַרלאַנגט אַן אָפּצאָל אין נאַטור: דאָס לייַב פון פרויען. מייַן פרייַנד קלמן זילבערבערג זענען באַקאַנט די נומערן פון די פּאָליציאַנטן און די נעמען פון די פרויען וואָס האָבן באַצאָלט פאַר זייער באַפרייַונג מיט זייער קערפּער. פאַר דעם צוועק האָבן די פּאָליציאַנטן געהאַט אין שפּיטאָל אַ חדר מיוחד. בכלל איז די פּאָליציאַנטן נישט געווען צו דערקענען בשעת דער אויסזידלונג. מען האָט זיי כסדר אויפגעהעצט קעגן די ווידערשפּעניקע וואָס לאָזן זיך נישט אויסזידלען. מען האָט זיי כסדר געדראָעט מיט צונעמען זיי און זייערע פרויען און קינדער אויפן אומשלאַג. דעמאָראַליזירט זענען זיי געווען פון פריִער. די געכאַפּטע אויפן אומשלאַג, באַזונדערס פרויען, האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. דאָס אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַן אוממעגלעכע אַטמאָספער פאַר די פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן געווילדעוועט און אָפּגעטאָן שרעקלעכע זאַכן.

7 דעצעמבער 1942

(צווייטער טייל פון אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו)

יחיאל גורני

אַקציע נומער 2

שוין 10 טעג אַריבער פון יענעם אומדערוואַרטעטן מאָנטיק דעם 18 יאַנואַר 1943. צען טעג פול מיט קאָשמאַרן, מורא, שרעק און ציטער פאַר דעם נישט זיכערן מאָרגן.

פאַרטריבן פון די אייגענע געטאָ ד'עמות*), צעבראָכן, פאַרלוירן אויך דאָס, וואָס איז נאָך פון יענע שרעקלעכע טעג 6—9 נאָוועמבער 1942 געבליבן, וואַלגערן מיר זיך אַרום צווישן פרעמדע, ווי די ווילדע מורא האָבנדיק אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ. צווישן פרײַנד און באַקאַנטע זיך באַזעצט, נישט געקוקט אויף קרומע מינעס פון די בעלי־הבתים, זיצן מיר שוין באַלד אַ וואָך צײַט בײַ די „שטשאָטקאַזשעס”, געניסן פון דער גאַסטפרײַנדלעכקייט פון באַקאַנטע אָן אַ וועלכע ס'איז פּערספּעקטיוו אויף מאָרגן.

אָבער צו וואָס רעפלעקסן — לאָמיר איבערגעבן די פּאָר טעג אין זייער גאַנצער נאַקעטקייט, אָרעמקייט און העלדישקייט פון די איבערגעבליבענע ייִדישע רעשטלעך.

אָבער בעפאָר אַ קליינער עפּיזאָד. נעכטן ד. 22/1 1943 האָב איך אין אַ געשפּרעך געהערט פאָלגנדיקע ווערטער: „ווען אין די יולי טעג 1942, אין אָנהייב פון דער אויסזידלונגס אַקציע, וואָלטן ייִדן געכאַפּט פאַר געווער, געפּרוּווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד, דערהרגעט אַ פּאָר דײַטשן, געצוווּנגען די ייִדישע כוליגאַנעס (פּאָליציי) נישט נעמען קיין אַקטיוון אָנטייל — און ס'וואָלטן דאָן טויזנטער ייִדן געפאַלן פון די דײַטשע קוילן — וואָלטן אַנדערע ייִדן געזאָגט: צוליב אײַער נאַרישער העלדישקייט איז דאָס געשען — אָבער אַז אַזאַ ווידערשטאַנד וואָלט אָפּגעהאַלטן אין אַ גרויסער מאָס די אַקציע, דאָס איז קיינעם אין קאָפּ נישט אַרײַן.

הײַנט, ווען אויף קנאַפּע 6.000 אַרויסגעשיקטע זענען געווען 1.000 ייִדישע קרבנות אויף 12 דײַטשן, האָט די געזעלשאַפט ענדלעך פאַרשטאַנען די העלדישקייט פון די „נאַרישע” ייִנגלעך, אַזוי האָט געזאָגט אַ פּראָסטער ייִד אין אַ געשפּרעך. ס'איז זונטיק ד. 17/1 1943, ווי געוויינלעך אַ פרײַער אַרבעטס־טאָג. אין געטאָ אַ גערויש, אַ געפּילדער. ייִדן, צי זיי דאַרפן, צי נישט, הגם דער פראָסט איז גרויס, שפּאַצירן איבער די גאַסן פון די ענגע געטאָ־מויערן.

אינערהאַלב די בלאָקן קען מען זיך באַרירן לענגער. נײַן אַ זייגער אין אָוונט גייט מען נאָך פון הויז צו הויז פאָרזיכטיק, מען כאַפּט אַ שמועס מיט אַ שכן, טייל מאָל אַפילו אויך אַ קערטל, און אַזוי גייט דאָס לעבן אין געטאָ נאָך יענע גרויזאַמע סעלעקציע־טעג.

מאָרגן וועלן אַלע, ווי נאָרמאַל, גיין אין די שאָפּן אויף די פּלאַצוּווקעס אַרבעטן, אויספירן די קנעכטישע דינסט פאַר דעם אייביקן שונא. און — נישט ריכטיקנדיק זיך אויף קיין שום שלעכטס לייגן מיר זיך שלאָפן.

דער זייגער ווײַזט 5,45 פרי ד. 18/1 1943. איך טו זיך אָן און גרייט זיך גיין אין שאָפּ, צוזאַמען מיט דער גאַנצער גרופּע אויף גענשע 30, איך הער, ס'איז 6,30, ווי אונדזער פּלאַצוּווקע, וואָס אַרבעט אין געריכט אויף לעשנאָ, גייט אַרויס פון בלאָק. פּלוצלינג פאַלט אַרײַן, פאַרסאָפּעט אַ שכנה. „וואָס, איר ליגט נאָך אין די בעטן. ווענדט זי זיך צו מײַנע מיטוווינער, די גאַס איז אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרמעריע, די פּלאַצוּווקעס לאָזט מען נישט אַרויס פון געטאָ, אַ בלאָקאַדע, זיכער אַן אַקציע”.

אין שטוב ווערט אַ טומל, אַ גערודער, דער אויספיר — מען דאַרף זיך באַהאַלטן און מיר קריכן אַלע אַרײַן אין סכראָן.

7,30 דערהערט זיך דער ערשטער שאָס — דאָס גיט מען אונדז צו וויסן אַז די אַרבעט הייבט זיך אָן, און שוין 8,15 זענען זיי בײַ אונדז אין הויז. ווי די מײַז זיצן מיר שטיל אין דער נאָרע. עס דערהערט זיך דאָס אויפהאַקן טירן — רויִק, פּלאַנמעסיק אָן געהײַל טוט עס דער דײַטש בײַ אונדזער טיר, אויפגעעפנט, אַרײַן אין דער וווינונג, גענומען זוכן אין די שענק, טאַפּטשאַנעס, קיינעם נישט געפונען, אונדזערע הערצער קלאַפּן פאַר שרעק, זיי זאָלן אונדז נאָר נישט אַנטדעקן, אויסגעהאַקט אַ שויב אין פענצטער און אַרויס פון שטוב. מיר עטעמען אָפּ, אָבער וועגן אַרויסגיין איז נישטאָ קיין רייד, זיי באַאַרבעטן דעם גאַנצן בלאָק. זיצן מיר טאַקע אײַנגעפּרעסט ווי די הערינג און וואַרטן. פון צײַט צו צײַט הערן זיך שאָסן, מיר ווייסן נאָך נישט וואָס זיי באַדײַטן. די אַקציע דויערט אין בלאָק ביז 4 נ"מ, ערשט אַרום 5 שטעקן מיר אַרויס די קעפּ. אין גאַס אַ טויטע שטילקייט, מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטש. מער דרײַסטע שטעלן אײַן, גייען אַראָפּ ביז מילע 64 עפּעס געוווּיר ווערן — עס ווײַזט זיך אַרויס אַז אין דער אַקציע האָבן זיך באַטייליקט אויך ייִדישע פּאָליציי, אָבער שוין נישט אַזוי אַקטיוו ווי אין די ערשטע יולי־טעג. זיי האָבן זיך באַנוגנט בלויז מיט מיטגיין.

מיר ווערן געוווּיר אַז די גאַנצע פּלאַצוּווקע פון סאָנד איז אַוועקגעפירט געוואָרן אויפן אומשלאַג, אויך דערוויסן מיר זיך אַז די גאַנצע דירעקציע פון אב"וו איז צוגענומען געוואָרן. ה' י. לאַנדאָ האָט צוזאַמענגענומען אַ ביסל אַרבעטער און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין אין פאַבריק (שאָפּ). אויפן וועג איז די גאַנצע גרופּע פאַרהאַלטן געוואָרן און אָפּגעפירט אויפן אומשלאַג, פון וועג זענען עטלעכע מאַן אַנטלאָפן, צווישן זיי אויך אַלעקסאַנדער לאַנדאָ, וועלכער האָט

---

*) די אמות — דער גרײַז איז בײַ גורנין אין טעקסט.

זיך באַלד פאַרשטענדיקט מיט דער פּוילישער דירעקציע און מיט גרוים מי איז געלונגען זײַן ברודער יוזעף אַרויסצונעמען. די רעשט איז אַוועק קיין טרעבלינקע, חוץ די וועלכע זענען באַלד פון אומשלאַג אַנטלאָפן, אַ סך זענען פון וועג, שפּרינגענדיק פון וואַגאָן, געקומען. איינער פון אונדזערע סטאָליערעס, חיים סרעברניק, איז כמעט שוין געווען אויף דער סטאַציע טרעבלינקי.

אַ באַזונדער קאַפּיטל דאַרף פאַרנעמען דער העלדישער אַרויסטריט פון דער גרופּע אויף מילע 61. דאָ איז געפאַלן דער ערשטער שאָס, וועלכער האָט אפשר גורם געווען צו דער ווײַטערדיקער פאַרטיידיקונגס־אַקציע. עס איז דאָרט ראַנירט פאַרוווּנדעט געוואָרן איין זשאַנדאַרם (ווי מען האָט שפּעטער געזאָגט, איז ער געשטאָרבן), דערקעגן זענען אויפן קאַמפּספּלאַץ געפאַלן 5 ייִדן, צווישן זיי עמילקע לאַנדאָ (די טאָכטער פון אַלעקסאַנדער) און ליבערמאַן. אַ ווערקשוץ פון אב"וו אויף מילע 61 האָבן די דײַטשן אין דעם קעלער געוואָרפן אַ האַנטגראַנאַט.

דינסטיק דעם 19טן יאַנואַר, 6 אַז' פרי, זענען מיר שוין געזעסן באַהאַלטן. די אַקציע איז אָבער געגאַנגען ווײַטער, דאָס מאָל אין געטאָ אויף מוראַנאָווסקע, ניזקע און אַנדערע גאַסן.

בײַ אונדז אין בלאָק אי זגעווען שטיל, אָבער די שרעק איז נאָך געווען גרויס, ווײַל די ווערטערפאַסונג האָט גענומען באַלד אַרבעטן, און דאָס האָט געדראָעט מיט אַנטדעקן די באַהעלטענישן און דערשאָסן ווערן.

אויף יעדער אָבער צרה געפינען ייִדן אַן אויסרייד, און אַזוי ווי די גרופּע האָט געאַרבעט אין הויז מילע 61, האָט מען אויסגעטײַטשט אַז מען נעמט אַרויס די זאַכן בלויז פון די וווינונגען פון די ה"ה ליבער און א. לאַנדאָ. ס'האָט זיך אָבער שפּעטער אַרויסגעוויזן אַז זיי האָבן באַקומען אַ באַפעל אויסצוראָמען די הײַזער מילע 61, 64, 67.

דאָס הויז 64 האָט זיך אָפּגעקויפט בײַם ייִדישן גרופּן־פירער פּאָגעל פאַר 75.000 זל. ביזן הײַנטיקן טאָג איז די ווערטעפאַסונג דאָרט נאָך נישט געווען, הגם אַלע אַנדערע הײַזער אין בלאָק זענען שוין באַאַרבעט געוואָרן. דינסטיק דעם 19טן יאַנואַר האָב איך זיך דערוווּסט וועגן שטעלן אַ ווידערשטאַנד אין ערשטן טאָג, ד"ה דעם 18טן יאַנואַר 1943 אויף מילע 34 און ניזקע ראָג זאַמענהאָף.

אויף ניזקע איז געקומען צו אַ גרויסער שיסערײַ. פון אַ קליין הילצערן הײַזל האָבן דרײַ יונגעלײַט אַרויסגעשאָסן צו די מאַרשירנדיקע גרופּן דײַטשן. די שאָסן האָבן געמאַכט דעם אײַנדרוק ווי פון מאַשין־געווער. ס'זענען דאָרטן געפאַלן 4 דײַטשן. און ערשט נאָכן אונטערצינדן דאָס הײַזל האָט די דײַטשע גרופּע געקענט מאַרשירן ווײַטער — די ייִדישע העלדן זענען געפאַלן אין די פלאַמען פון דעם ברענענדיקן הויז.

מיטוואָך דעם 20טן יאַנואַר איז אין אונדזער געגנט שוין געווען כמעט רויִק, אין בלאָק האָט מען זיך שוין באַוויגן, דערקעגן איז די אַקציע פאָרגעקומען אויף לעשנאָ, וווּ פון הויז 78 זענען געפאַלן שאָסן. די דײַטשן האָבן זיך פון דעם הויז צוריקגעצויגן, אָבער פון אַנדערע הײַזער האָבן זיי אַרויסגענומען עטלעכע הונדערט ייִדן, פון וועלכע ביז 150 מאַן זענען באַלד אויפן אומשלאַג דערשאָסן געוואָרן.

דינסטיק דעם 19טן יאַנואַר איז די אַקציע דורכגעפירט געוואָרן בײַ די בערשטער אויף שוויענטאָיערסקע. ס'זענען צוגענומען געוואָרן 305 מאַן, אויך זענען געווען 13 הרוגים, דערונטער דיר' האָלאָדענקאָ. בשעת דער אַקציע אויף מילע דעם 18טן יאַנואַר איז אויך דערשאָסן געוואָרן אין הויז מילע 69 דיר' י. גיטערמאַן.

28 יאַנואַר 1943

(צווייטער טייל פון אונטערערדישן געטאָאַרכיוו)

אַ פּוילישער פּאַטריאָט, אַן עדות פונעם געטאָ־אויפשטאַנד, דערציילט

וולאַדיסלאַוו שוויענטאָכאָווסקי, איצט 33 יאָר אַלט, האָט אין דער צײַט פונעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ געאַרבעט ווי אַ פײַערלעשער. זײַן אָפּטיילונג איז געשיקט געוואָרן אין געטאָ און אין שכנותדיקע גאַסן, נישט צו דערלאָזן צום אויסשפּרייטן זיך פון דער שריפה אויף דער „אַרישער" זײַט. שוויענטאָכאָווסקי איז שוין דעמאָלט געווען אַנגאַזשירט בײַם אויסבאַהאַלטן ייִדן. נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד ווערט ער אַ שטענדיקער פאַרבינדלער צווישן דער ייִדישער אונטערערד אויף דער „אַרישער" זײַט און די ייִדישע פּאַרטיזאַנישע גרופּעס, וועלכע האָבן געהערט צו דער „גוואַרדיאַ לודאָוואַ", אין די ווישקאָווער וועלדער. איינצײַטיק באַהאַלט ער אויס אויף קאָנספּיראַטיווע דירות, צווישן אַנדערע אויף לעשנע 18, ייִדישע קעמפער, וועלכע האָבן אַ דאַנק דעם איבערגעלעבט.

ווען עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, האָט די היטלעריסטישע מאַכט געפאָדערט פון דער וואַרשעווער עלעקטראָסטאַנציע און פון די פײַערלעשער צו שיקן אָפּטיילונגען אין דער געגנט, וואָס איז באַדראָט דורך דעם פײַער פון דער געטאָ־שריפה. אַזוי אַרום האָב איך זיך געפונען אויפן געביט פון געטאָ אין דער צײַט פון 23טן אַפּריל ביז יוני 1943. מײַן דינסט איז אויסגעפאַלן יעדן צווייטן טאָג. אונדזער אָפּשניט האָט אַרומגענומען די ראַנדן פון די גאַסן נאַלעווקעס, גענשע, סמאָטשע ביז ניזקע. אָפיציעל האָבן מיר נישט געטאָרט אַרײַנגיין אינעם געביט פון געטאָ, אָבער פאַקטיש האָבן מיר געקאָנט זיך דרייען אויף אַ שטח פון אַ הונדערט מעטער אין געטאָ אַרײַן, הגם נישט שטענדיק איז דאָס געלונגען. אַ געפאַר האָט אונדז געדראָט נישט בלויז מצד די דײַטשן, נאָר אויך מצד די ייִדישע אויפשטענדלער. לכתחילה האָבן מיר געטראָגן די גרויע פײַערלעשער־העלמען, אָבער אין גיכן האָבן מיר זיי געמוזט בײַטן אויף גלאַנצנדיקע קאַסקן, ווײַל די ייִדישע אויפשטענדלער האָבן נישט געקאָנט אונטערשיידן אונדז פון די דײַטשן און געשאָסן אין אונדז און אַ סך פון אונדז שיעור נישט דערהרגעט; נאָכן אויפשטאַנד האָבן זיי עס מיר דערציילט.

איך בין שוין אין יענער צײַט געווען אַנגאַזשירט אין דער טעטיקייט פון אויסבאַהאַלטן ייִדן. אין איינעם מיט מײַן שוועער, יוזעף פּערא (ער איז געפאַלן אין דעם אויגוסט־אויפשטאַנד אין 1944), האָב איך אויסבאַהאַלטן די שוועסטער מאַלווינאַ און בראָניסלאַוואַ גראָסבאַרד, וועלכע זענען אַנטלאָפן פון געטאָ. אַזוי אַרום בין איך געקומען אין געטאָ אַרײַן בעתן אויפשטאַנד מיט אַ פּאַרטיקער אײַנשטעלונג צו העלפן די קעמפער און קרבנות מיט וואָס עס וועט זיך נאָר לאָזן.

הײַנט, נאָך העכער זיבן יאָר, איז מיר שווער איבערצוגעבן גענוי דעם גאַנצן גרויל מיט אַלע זײַנע פּרטים, וואָס איך האָב דעמאָלט געזען אין דעם ברענענדיקן און קעמפנדיקן געטאָ. איך געדענק דעם שרעקלעכן אומפאַרגעסלעכן אײַנדרוק; דער רושם סײַ פון דער אוממענטשלעכער אכזריות פון די היטלעריסטן און זייערע באַהעלפער, סײַ פון דעם אומגעוויינלעכן ווידערשטאַנד פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געווען אַזוי מעכטיק, אַז פון דאַנען האָב איך געשעפּט כוחות און ענטוזיאַזם צו מײַן ווײַטערדיקער אַרבעט צוזאַמען מיטן „זשאָב" און די פּאַרטיזאַנער און צו דער באַוווּסטזיניקער טעטיקייט צו ראַטעווען ייִדן.

ווי אַזוי האָבן זייער מאָרד־טעטיקייט דורכגעפירט די ס"ס־לײַט און זייערע באַהעלפער, די פאַשיסטן מכל המינים?

נאָך דעם ווי זיי האָבן אונטערגעצונדן אַ הויז אָדער אַ רייִ הײַזער, האָבן זיך די מערדער געזעצט אויף אַ געהעריקן מרחק פון דער ברענענדיקער געבײַדע אויף ווייכע פאָטעלן, וועלכע זיי האָבן פון ערגעץ אַרויסגעשלעפּט, און אָבסערווירט, צי וועלן די פאַרשטעקטע ייִדן נישט וועלן ערגעץ אַנטלויפן. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן רעוואָלווערן און אויטאָמאַטישע פּיסטאָלעטן, וועלכע זיי האָבן באַנוצט תיכּף ווי נאָר עס פלעגן זיך באַווײַזן ייִדן. די דײַטשן האָבן ס'רוב אָנגעפירט מיט גרופּעס פון לאַגער־וועכטער (פאַשיסטישע כוליגאַנעס פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן) און אויך מיט ס"ס־פאָרמאַציעס פון אַ פאַרשידן־לשונדיקן ערב־רב. די לאַגער־וועכטער, וועלכע זענען נאָך נישט געווען אין אַ פולער מאָס „אויסגעשולט" אין מאָרד, האָבן נאָך אַ מאָל אַרויסגעוויזן אַ „מענטשלעכע באַציִונג", האָבן זיך געלאָזט איבערקויפן. דאַקעגן די שפּעטערדיקע ס"ס־פאָרמאַציעס, וועלכע האָבן זיי פאַרטרעטן, זענען שוין געווען אומברחמנותדיק. די דײַטשן האָבן זיך אויך באַנוצט מיט ייִדישע מוסרים, וועלכע מ'האָט גערופן „קאַפּוש", סײַ מענער, סײַ פרויען. ווען געוויסע גרופּקעס ייִדן האָבן זיך אונטערגעגעבן און אַרויסגעהאָנגען אַ ווײַסע שמאַטע (אַזעלכע פאַלן זענען געווען נישט קיין סך), האָט מען זיי נישט דערהרגעט אויפן אָרט. ביזן 5—7טן מײַ האָט זיך אַפילו געטראָפן, אַז מען האָט אָפּגעפירט די ציווילע גרופּעס אויפן אומשלאַג־פּלאַץ און פון דאַנען מיט וואַגאָנען ווײַטער — צום טויטלאַגער. נאָך דער דאָזיקער דאַטע האָט מען דערשאָסן אויפן אָרט, אין געטאָ. פון וואַנען האָבן זיך גענומען די מוסרים בײַ ייִדן? די דײַטשן האָבן זיי אָדער פיזיש שרעקלעך געפּײַניקט, אָדער זיי אונטערגעקויפט מיט דער אילוזיע צו שענקען דאָס לעבן.

אין דער אַרומיקער ווילדער אכזריותדיקייט און טויט האָבן אַרויסגעשײַנט די העלדישע אַקטן פון די ייִדישע ווידערשטענדלער, מיט מײַנע אייגענע אויגן האָב איך געזען די ווײַטערדיקע בילדער:

1. אויפֿן ראָג פֿון סמאָטשע־גאַס האָב איך געזען אַ בילד, וואָס איז אין ערשטן אויגנבליק אומגלויבלעך, און דאָך איז עס געוועזן אמת. אַ יונגער ייִד האָט, ווײַזט אויס, געמוזט פֿאַרלאָזן זײַן באַהאַלטאָרט, ער איז דורכגעלאָפֿן דעם ליידיקן שטח, וואָס האָט אים געטיילט פֿון די ווײַטערדיקע חורבות. צוויי דײַטשן מיט אויטאָמאַטן, גרייטע צו שיסן, האָבן געהיט דאָס אָרט, זיי האָבן זיך אָבער, קענטיק, געוואָלט מאַכן אַ שפּיל, און געלאָזט דעם ייִד אַרײַנלויפֿן אין אַ חורבה. ער איז אָבער אַרויף אויף די שטיגן און מיט אַ געוואַלדיקער פֿלינקייט זיך אַרויפֿבאַקומען אויפֿן באַלקאָן. ער קוקט זיך אַרום און זעט, ווי די דײַטשן שטעלן אָן אויף אים די אויטאָמאַטן. בליץ שנעל כאַפּט ער אַרויס אַ גראַנאַט און שלײַדערט אין די פֿאַרפֿאָלגער. דער גראַנאַט האָט אויפֿגעריסן, און בײדע דײַטשן זענען געפֿאַלן, שווער פֿאַרוווּנדעט, צי אפֿשר דערהרגעט. דער אויפֿשטענדלער איז נעלם געוואָרן.

2. אין איין טאָג האָב איך געזען, ווי מען האָט אויף מײַן אָפּשניט אַרויסגעפֿירט צען דערהרגעטע דײַטשן און פֿאַשיסטן פֿון די אַנדערע פֿאָרמאַציעס און אַ סך מער פֿאַרוווּנדעטע — מיט די קאַרעטקעס פֿון רויטן קרייץ. ווי איך האָב דעמאָלט געהערט, איז די צאָל דערהרגעטע היטלעריסטן געווען אַ סך אַ גרעסערע.

3. שטייענדיק בײַם ראַנד פֿון מילע־גאַס האָב איך אַליין געזען פֿון דער ווײַטנס, טיף אין דער מילע, אַ שלאַכט. פֿון איין זײַט — די פֿאַשיסטן אין פּולע באַוואָפֿענונג, פֿון דער צווייטער — אַ שיסערײַ פֿון אַ פֿאַרבאַריקאַדירטן הויז. די ייִדישע קעמפֿער האָט מען, פֿאַרשטייט זיך, נישט געקאָנט אַרויסזען. אָבער זיי האָבן כסדר געענטפֿערט מיט פֿײַער אויפֿן האָגל פֿון די דײַטשן קוילן.

4. אין איינער פֿון די ערשטע נעכט האָב איך מיט נאָך עטלעכע קאָלעגן געהאַט דיזשור. מיר האָבן זיך געפֿונען אין אַ בודקע פֿון דער פֿײַערלעשער־וואַך אויפֿן ראַנד פֿון געטאָ. מיר הערן, ווי עמעצער שטעלט טריט אַרום די בודקע. דאָס זענען געווען ייִדישע קעמפֿער מיט שמאַטעס אַרומגעבונדן אַרום די פֿיס, מען זאָל נישט הערן זייערע טריט. זייער ציל איז געווען צוצונעמען אונדזערע מונדירן, העלמען און געצײַג. אַ דאַנק דעם האָב איך אָנגעקניפּט מיט זיי אַ קאָנטאַקט. פֿון דעמאָלט אָן זענען זיי כמעט נאַכט בײַ נאַכט געקומען אויף אָפּגערעדטע ערטער און באַקומען דורך מיר שפּײַז, שפּירט אַרומצוּוואַשן וווּנדן, פּאַפּיראָסן און שוועבעלעך. טייל פֿון זיי איז געווען דעצידירט צו קעמפֿן ביזן סוף; טייל איז געווען שוין אַפּאַטיש און אַפֿילו רעזיגנירט. די ערשטע האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז מיט זייער אייגענעם לעבן איז געענדיקט. איך האָב זיי אויך איין מאָל געבראַכט די פּוילישע אונטערערדישע פּרעסע. זיי האָבן געפֿרעגט, צי וועט אויף דער „אַרישער" זײַט אויסברעכן אַן אויפֿשטאַנד. צום סוף האָבן מיר אָפּגעשמועסט, אַז מען וועט פּרוּוון זיי אַרויספֿירן פֿון געטאָ, הגם דאָס איז געווען זייער שווער, ווײַל אַרום האָבן זיך געדרייט דײַטשע פּאַטראָלן. מער זענען זיי נישט געקומען. וואָס איז מיט זיי געוואָרן, ווייס איך נישט. זיי זענען מסתמא געפֿאַלן אין קאַמף.

5. אין אַ סך נעכט שפּעטער האָבן מיר פֿון דער ווײַטנס געזען פֿלאַטערנדיקע פֿײַערלעך אין דער חשכות צווישן די חורבות. מיר האָבן אויך געהערט אָפּהילכן פֿון שיסערײַען. דאָס זענען נאָך געווען די אויפֿשטענדלער, וועלכע פֿלעגן בײַ נאַכט אַרויספֿאַלן קעגן דעם שונא.

6. אָפּהילכן פֿון קעגנזײַטיקע שיסערײַען האָבן מיר געהערט ביז יוני; אָבער די דײַטשע וואַכן האָבן אונדז שוין נישט געלאָזט זיך באַוועגן טיפֿער אין געטאָ אַרײַן.

7. אַ וועכטער פֿון דער עלעקטראָאונטערסטאַנציע, וואָס צו איר האָט געהערט אונדזער פֿײַער־לעשער־אָפּטיילונג, איז דורך די דײַטשן דערשאָסן געוואָרן, ווײַל ער האָט זיי נישט געוואָלט איבערגעבן אַ רשימה פֿון די מענטשן וואָס נעמען אָנטייל אין היטן די אונטערסטאַנציע (דאָ איז אין משך פֿון אַ געוויסער צײַט געווען אַ טרעפֿפּונקט מיט שליחים פֿון די געטאָקעמפֿער).

איך בין אויך געווען אַן עדות פֿון אַנדערע בילדער, בילדער פֿון היטלעריסטישע אכזריות:

אויף סמאָטשע האָב איך אַליין געזען, ווי די דײַטשן האָבן דערשאָסן אַ מאַן, אַ פֿרוי און אַ קינד, צונעמענדיק פֿריִער אַלץ וואָס זיי האָבן מיט זיך געהאַט.

אויף דער זעלביקער סמאָטשע־גאַס האָבן די רוצחים אַרײַנגעוואָרפֿן אַ ייִדישער קעמפֿער, וועלכן זיי האָבן געכאַפּט מיט געווער אין האַנט, אַ לעבעדיקן אין דעם ברענענדיקן הויז.

אויף איין גאַס, דאַכט זיך אויף זאַמענהאָף, האָבן די פֿאַשיסטן אַ גרופּע ייִדן געצוווּנגען זיך אויסצוטאָן נאַקעט, אַרײַנגעשטופּט זיי אין אַ גרויסער לאָך פֿון אַן אויסגעברענטער קראָם און דערהרגעט מיט גראַנאַטן.

אויף מילע־גאַס האָבן די דײַטשן דורכגעפֿירט אַ סעלעקציע צווישן די געכאַפּטע — מענער אויף לינקס, פֿרויען אויף רעכטס. דערנאָך האָבן זיי געהייסן זיך אויסטאָן, כדי דורכצופֿירן אַ רעוויזיע. איין יונגע פֿרוי האָט זיך נישט געוואָלט אויסטאָן. זי האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד די פֿאַשיסטן. אַ דײַטש האָט זי דערשאָסן אויפֿן אָרט, און די סאָלדאַטן האָבן זיך איזדעקעוועט איבער איר טויטן קערפּער און צעשניטן אויף שטיקער.

אין איין פֿאַל בין איך אין שטאַנד געווען מיט עפּעס וואָס צו העלפֿן די קרבנות. עס איז צוגעלאָפֿן צו אונדז אַ יונגע ייִדישע פֿרוי מיט אַ ביטע, מיר זאָלן ראַטעווען איר טאַטן, וועלכער איז צוגעקוועטשט געוואָרן דורך אַ שטיק אײַנגעפֿאַלענע מויער. מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט און מיט די פֿײַערלעשער־העק גענומען פֿונאַנדערהאַקן די מויערשטיקער. דאָס האָבן דערהערט די דײַטשן, וועלכע האָבן געמיינט אַז מיר זענען ייִדישע אויפֿשטענדלער, אונדז געכאַפּט און נאָכן אויסלעגיטימירן און פֿעסטשטעלן אונדזער אידענטישקייט אין דער וואַרשעווער עלעקטראָסטאַנציע, אונדז באַפֿרײַט מיט אַ וואָרענונג, אַז אַ צווייט מאָל, ווען מען וועט אונדז כאַפּן, וועט מען אונדז דערשיסן. דעם ייִד האָט מען דערהרגעט אויפֿן אָרט. די טאָכטער איז פֿאַרשוווּנדן ערגעץ צווישן די חורבות.

ווי געזאָגט, האָב איך זיך אונטערן אײַנדרוק פֿון דעם אַלעם, וואָס איך האָב געזען אין געטאָ, אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער צוזאַמענאַרבעט מיט די ייִדישע קעמפֿער אויף דער „אַרישער" זײַט און בײַ די פּאַרטיזאַנער.

(אַרכיוו ייה״ה) ייִדיש: ב. ב.

אַ. בערמאַן — ישראל

די וואָס האָבן געראַטעוועט

(אַ פראַגמענט פון אַ גרעסערער אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון
דער יִדישער אונטערערדישער באַוועגונג אין פוילן)

די יִדישע אונטערערדישע רעטונגס־ און הילפּס־אַקציע וואָלט נישט געקאָנט, אין די באַדינגונגען פון היטלעריסטישן טעראָר, אַרומנעמען אַזאַ פאַרהעלטנישמעסיק גרויסע צאָל יִדן, ווען נישט די הילף פון פּאָליאַקן. אַן אויסערגעוויינטלעך וויכטיקע ראָלע האָט געשפּילט אין דער רעטונגס־אַקציע דער „אַלפּוילישער ראַט צו העלפן יִדן", די גרויסע קאָנספּיראַטיווע הילפּס־אָרגאַניזאַציע וואָס האָט געראַטעוועט טויזנטער יִדן פון אומקום. אַן ערנסטע ראָלע האָבן געשפּילט די הילפּסקעמערלעך פון דער „פּוילישער אַרבעטער פּאַרטיי". עס דאַרף אָבער אויך באַטאָנט ווערן די פּערזענלעכע, אינדיווידועלע הילף פון טויזנטער פּאָליאַקן.

בײַם באַשרײַבן דאָס מאַרטירערטום פון יִדן אין פּוילן, שטרײַכט מען שטענדיק אונטער ווי די יִדן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער „אַרישער זײַט", האָבן געליטן פון די פּוילישע שאַנטאַזשיסטן און מוסרים, פּאָליציאַנטן, פאַשיסטישע כוליגאַנעס און אַנדערע אונטערוועלט־עלעמענטן. מען שרײַבט אָבער ווייניקער וועגן דעם, אַז טויזנטער פּאָליאַקן האָבן געשטעלט אין קאָן זייער לעבן, אויסטיילנדיק הילף יִדן. דעם שוים און שמוץ אויף דער אייבערפלאַך פון צעשטורעמטן טײַך איז לײַכטער צו זען ווי דעם טיפערן, ריינעם שטראָם. דער שטראָם האָט אָבער עקסיסטירט און געווירקט.

זייער אַ גרויסער טייל פון די הילפּסקעמערלעך פון דעם אונטערערדישן „יִדישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט" זענען געווען פּוילישע קעמערלעך. בראָש פון זיי זענען געשטאַנען פּאָליאַקן, וואָס האָבן אָפּפערוויליק געפירט די רעטונגס־אַרבעט: פּוילישע געלערנטע, שרײַבער און קינסטלער, די מיטאַרבעטער פון פּוילישער סאָציאַלער שוץ, אַרבעטער, אין אַ ריי פאַלן אויך פּויערים. מערסטן טייל זענען דאָס געווען פּראָגרעסיווע, לינק־געשטימטע מענטשן: קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן, ראַדיקאַלע דעמאָקראַטן און ראַדיקאַלע פּויערים־טוער, עס זענען אָבער אויך געווען צווישן זיי קאַטאָליקן און מיטגלידער פון פאַרשידענע קריסטלעכע סעקטעס.

אַ גרויסער טייל פון זיי זענען געווען אומפּאַרטיייִשע, פּשוטע, גוטע מענטשן פון פאָלק, וועלכע האָבן אויפריכטיק מיטגעפילט מיט די געפּײַניקטע יִדן ,טיף איבערגעלעבט זייער טראַגעדיע און געקומען צו הילף פון גוטן, מענטשלעכן האַרץ.

עס זענען געווען פאַלן, אַז אַן אַקטיווע אינדיווידועלע הילף האָבן געגעבן זייערע באַקאַנטע יִדן — אַפילו אַנטיסעמיטיש געשטימטע פּאָליאַקן... דאָס איז געווען אַ גענוג זעלטענע דערשײַנונג. עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז דער היטלער־קאָשמאַר, די אוממענטשלעכע לײַדן און דער טראַגישער אומקום פון מיליאָנען יִדן — האָבן געמאַכט אַזאַ טיפן און דערשיטערנדיקן אײַנדרוק אויף אַ טייל אַנטיסעמיטיש געשטימטע פּאָליאַקן, אַז זיי האָבן נאָך אין דער צײַט פון דער מלחמה געענדערט זייער באַציִונג און זיך אַפילו דערנענטערט צום פּראָגרעסיוון לאַגער.

די וווינונג פון צוויי פּוילישע אינטעלעקטואַלינס פרוי אירענאַ סאַוויצקאַ, אַ בילדונגס־טוערין און ד"ר זאָפיאַ פּאָדקאָווינסקאַ, אַן אַרכעאָלאָגין — איז געווען איינע פון די הויפּט„באַזעס" פון דער יִדישער אונטערערדישער באַוועגונג אויף דער „אַרישער זײַט". ביידע זענען געווען פאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. דאָרט האָבן זיך קאָנצענטרירט די הילפּס־פאַרבינדונגען פאַר הונדערטער גערודפטע יִדן. דאָרט, אויף זשאָליבאָזש, אין דער געגנט פון דער פּוילישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ, האָבן זיך געטראָפן ד"ר בערמאַן, אַנטעק און אַנדערע אונטערערדישע טוער מיט די פאָרשטייער פון דער לינקער פּוילישער אונטערערדישער באַוועגונג, מיט די טוער פון דער פּוילישער אַרבעטער פּאַרטיי און פון דער פּאַרטיזאַנישער פאָלקס־באַוועגונג. דאָרט האָבן זיי געפונען אַ האַרציקע, פרײַנדלעכע אַטמאָספער, אַ טיפע פאַרשטענדעניש פאַר די לײַדן פון יִדישע מאַסן, פאַר זייער באַוואָפנטן קאַמף. דאָרט האָבן אָפט געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ רעטונגסאָרט יִדן, ווען עס האָט זיך „פאַרברענט" זייער וווינאָרט, ווען זיי זענען געבליבן אין דער גאַס. דער טויט פון אירענאַ סאַוויצקאַ, וועלכע איז אומגעקומען פון פאַשיסטישע הענט אין דער צײַט פונעם פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע, איז געווען אַ שווערע איבערלעבונג און אַ קלאַפּ פאַר די יִדישע אונטערערדישע טוער.

אַ צווייטע הערלעכע געשטאַלט: יאַנינאַ בוכהאָלץ, אַ פּסיכאָלאָגין, די פרוי פון אַ פּוילישן געלערנטן, פּראָפעסאָר פון פּאָליטעכניקום. זי איז געווען אומפּאַרטיייִש און ווײַט פון פּאָליטישן לעבן. אין די יאָרן פון דער היטלערישער אָקופּאַציע האָט זי זיך געווידמעט צוויי זאַכן: דער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט און — דער הילפּס־אַקציע פאַר יִדן. די ביוראָ פון אַ נאָטאַריוס אויף מיאָדאָוואַ־גאַס, ווו זי האָט געאַרבעט אַלס איבערזעצערין פון פרעמדע שפּראַכן, איז געוואָרן איינער פון די צענטראַלע קאָנספּיראַטיווע „ביוראָען" פונעם „יִדישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט". דאָ האָט כמעט טאָג טעגלעך „אַמטירט" באַשע בערמאַן מיטן שטאַב פון אירע „פאַרבינדונגס־

אָפּיצירן", דאָ האָט מען מאַסנווײַז פאַרטיילט די „אַרישע" דאָקומענטן פאַר יִדן, איבערגעגעבן צו פאַרטיילונג די הילפספּאָנדן, דאָ האָט מען דורכגעפירט פאַרשידנאַרטיקע פאַרבאָטענע „טראַנזאַקציעס". נישט געווען קיין טאָג און קיין שעה, אַז די „פרוי אַנינאַ" זאָל נישט זײַן גרייט צו העלפן. שטענדיק מיט אַ שמייכל אויף איר גוטמוטיקן, מוטערלעכן פנים, שטענדיק „פילאָסאָפיש" רויִק, שטענדיק מיט ווערטער פון דערמוטיקונג, פון טרייסט, פון האָפענונג און גלויבן, האָט זי יאָרן לאַנג, ביז דער שעה פון באַפרײַונג, אוימאויפהערלעך געשטעלט אין געפאַר איר לעבן, כדי צו ראַטעווען יִדן.

פראָפעסאָר ד"ר מאַריאַ גזשעגאָזשעווסקאַ, די באַקאַנטע פוילישע געלערנטע אויפן געביט פון פסיכאָלאָגיע און פעדאַגאָגיק, די דירעקטאָרין פונעם „מלוכישן אינסטיטוט פון ספעציעלער פעדאַגאָגיק", וועלכע האָט געשריבן וויכטיקע ווערק וועגן פסיכאָלאָגיע פון בלינדע, איז אין דער דאָזיקער גרויזאַמער תקופה געווען אַן אמתע „מוטער" און באַשיצערין פון צענדליקער יִדן, פון יִדישע פאַרלאָזטע קינדער, וואָס זענען אַנטלאָפן פון געטאָ און האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט אויף דער „אַרישער זײַט". זי איז געווען פון די זײַלן פון דער רעטונגס־אַקציע, אַ וויכטיקער אָנשפאַר פון דער יִדישער אונטערערדישער באַוועגונג.

נישט געווען קיין פאַל, זי זאָל זיך אָפזאָגן פון געבן הילף. ווען עס איז שוין נישט געווען קיין שום אַנדער ברירה, ווען דער מעסער איז שוין געלעגן אויפן האַלדז — איז מען געלאָפן צו „פרוי מאַריאַ", זי זאָל אין לעצטן מאָמענט ראַטעווען. און זי האָט געראַטעוועט: איינעם געגעבן אין אַ קריטישער שעה אַ דאַך איבערן קאָפ, פאַר אַ צווייטן געפונען אַרבעט און „דעקונג", פאַר צענדליקער אויסבאַהאַלטענע יִדן האָט זי פערזענלעך איבערגעגעבן די הילפסגעלטער פון „יִדישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט".

די גרויסע דראַמאַטישע שוישפילערין אירענאַ סאָלסקאַ האָט גענומען אויף זיך אין דער אָקופאַציע־צײַט די שווערסטע און די געפערלעכסטע ראָלע — אַקטיוו צו העלפן יִדן. אַליין אַ קראַנקע, האָט זי זיך געראַנגלט מיט גרויסע פערזענלעכע און משפחה־שוועריקייטן. און דאָך איז זי געווען אומדערמידלעך אין דער הילפסאַרבעט. דורך איר וווינונג זענען דורכגעגאַנגען צענדליקער ענינים, וואָס יעדער פון זיי איז געווען אַן ענין פון לעבן און טויט. אויך זי האָט געראַטעוועט „אין לעצטן מאָמענט", ווען עס איז שוין נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג. זי איז געווען אַ פאַרקערפערונג פון אַן אַקטיוו־הומאַניטאַרער, טיף־מענטשלעכער, האַרציקער באַציִונג צו די ליידן פון יִדן.

סטעפאַניאַ סעמפאָלאָווסקאַ, די פאַרדינסטפולע קעמפערין פאַר פראָגרעס און דעמאָקראַטיע, די „מוטער" פון די פאָליטישע אַרעסטירטע אינעם פאַרמלחמהדיקן פוילן, די סימבאָלישע געשטאַלט פון דער פוילישער ראַדיקאַלער אינטעליגענץ, איז אין דער צײַט פון דער היטלעריסטישער אָקופאַציע געווען שוין זייער אַלט, האַלב־פאַראַליזירט. און דאָך, כמעט אויפן טויטנבעט, האָט זי נישט אויפגעהערט צו זײַן די „מוטער פון די לײַדנדיקע. זי האָט מאָביליזירט איר משפחה, אירע פריינד, צו דער הילפסאַקציע פאַר יִדן. דורך אירע האַלב־פאַראַליזירטע הענט זענען דורכגעגאַנגען דאָקומענטן און געלט־אונטערשטיצונגען פאַר די אויסבאַהאַלטענע, גערודפטע יִדן. ביזן לעצטן טאָג פון איר וווּנדער־שיינעם לעבן האָט זי געטריי געדינט דער גרויסער זאַך פון העלפן די קרבנות פון פאַשיזם און ראַסנהאַס.

טאַדעוש קאָטאַרבינסקי, דער באַקאַנטער פוילישער פילאָסאָף פונעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט, האָט נישט פאַרלאָזט אין דער שווערער שעה זײַנע יִדישע פריינד און שילער. פאַר דער מלחמה האָט ער מוטיק פאַרטיידיקט די יִדישע סטודענטן, ווען די פוילישע פאַשיסטישע כוליגאַנעם זענען אָנגעפאַלן אויף זיי. אין דער אָקופאַציע־צײַט האָט ער געהאָלפן מיט אַלץ, וואָס איז געווען מעגלעך. די טירן פון זײַן וווינונג זענען געווען אָפן פאַר יִדן, כאָטש דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט טויטגעפאַר.

אַ סך פוילישע געלערנטע האָבן געהאָלפן יִדן: דער באַקאַנטער ביאָלאָג, איינער פון די וועטעראַנען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג פראָפ' זיגמונט שימאַנאָווסקי; דער באַקאַנטער סטאַטיסטיקער און ראַדיקאַלער בילדונגס־טוער ד"ר מאַריאַן פאַלסקי; די פראָפעסאָרן פון עטיק און עסטעטיק אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט — מאַריאַ און סטאַניסלאַוו אָסאָווסקי; דער באַקאַנטער אַרכיטעקט און אורבאַניסט — פראָפ' סטאַניסלאַוו טאָלווינסקי, וואָס איז נאָך דער באַפרײַונג געווען דער פרעזידענט פון וואַרשע; דער אַרכעאָלאָג ד"ר לודוויק סאַוויצקי, וואָס האָט גענומען צו זיך אויף דערציִונג אַ פאַרוואָרלאָזט יִדיש יִנגעלע פון געטאָ און צענדליקער אַנדערע באַקאַנטע פעדאַגאָגן, פסיכאָלאָגן, מעדיצין־דאָקטוירים, עקאָנאָמיסטן, ביבליאָטעקאַרן, געאָגראַפן און אַנדערע וויסנשאַפטלער.

באַזונדערע פאַרדינסטן אין דער רעטונגס־אַקציע האָט געהאַט דער באַקאַנטער זאָאָלאָג און דעמאָלטיקער דירעקטאָר פון וואַרשעווער זאָאָלאָגישן גאָרטן, ד"ר יאַן זשאַבינסקי און זײַן פרוי, די שרײַבערין אַנטאָנינאַ זשאַבינסקאַ. אַ דאַנק זיי איז דאָס וואַרשעווער זאָאָ אין יענער צײַט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מקום מקלט פאַר יִדן. אין די פאַרמאַסקירטע שטײַגן פאַר חיות האָבן זיך אויסבאַהאַלטן יִדן ,ווען זשאַבינסקי און זײַן פו'וי האָבן צוגעשטעלט עסן און פאַרנומען זיך מיט זיי זאָרגפעליק, ריזיקירנדיק מיטן לעבן.

צווישן די פוילישע אינטעלעקטואַלן, וועלכע האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן פאַר דער אונטערערדישער טעטיקייט און פאַר אַקטיוו העלפן יִדן, דאַרף מען דערמאָנען די יונגע אַסיסטענטין פון פסיכאָלאָגיע אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט, די מוטיקע אונטערערדישע טוערין ד"ר עוואַ ריביצקאַ, די יונגע באַגאַבטע פסיכאָלאָגין, די קאָמוניסטקע יאָאַנאַ קוניצקאַ, די סאָציאַליסטישע טוערין אירענאַ פרוכניק (די פרוי פונעם פירער פון די לינקע סאָציאַליסטן ד"ר אַדאַם פרוכניק) א"אַנד.

אין דער הילפסאַקציע האָבן אָנטייל גענומען פוילישע שרײַבער. דער באַקאַנטער פויערים־פירער און שרײַבער וולאַדיסלאַוו קאָוואַלסקי, וואָס איז נאָך דער באַפרײַונג געווען דער פרעזידענט פון פוילישן סיים, דער מחבר פונעם ראָמאַן „די בעסטיע". געווידמעט דעם יִדישן מאַרטירערטום, האָט אין דער אָקופאַציע־צײַט גענומען צו זיך אויף דערציִונג אַ יִדיש פאַרוואָרלאָזט מיידעלע פון געטאָ. נאָך דער באַפרײַונג איז דאָס מיידל געפאָרן צו אירע קרובים קיין ישראל. אויך אַנדערע פוילישע שרײַבער, ווי העלענאַ באָגושעווסקאַ, יעזשי קאָרנאַצקי א"אַ האָבן געהאָלפן יִדן.

גלײַכצײַטיק דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די האַרציקע און אָפפערוויליקע הילף פון פשוטע פוילישע פאָלקסמענטשן, אַזעלכע ווי דער שנײַדער סטאַניסלאַוו מיכאַלסקי, דער מוזיי־באַדינער קאַזשימיערזש קוץ, די קראַנקן־שוועסטער וואַלעריאַ מאַלאַשעווסקאַ; דער אַרבעטער קאַזשימיעזש פראָשאָווסקי; דער טראַמוויי־אַרבעטער ריכאָוויעצקי; דער פויער פון גראָדנער קאַנט פאַוועל האָרמושקאָ,

וואָס האָט געהאָלפן דער משפחה פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום. און אַ סך אַנדערע גוטע, פשוטע פאָלקסמענטשן.

אַן ערנסטע ראָלע אין דער רעטונגס־אַקציע האָבן געשפּילט פּוילישע מיטאַרבעטער פון סאָציאַלער הילף, פון פאַרשידענע סאָציאַלע שוץ־אינסטיטוציעס. אַזוי צ״ב האָט אַלעקסאַנדראַ קאַרגיעלאַוואַ איינגעאָרדנט אין פּוילישע אַנשטאַלטן אַ סך יִדישע קינדער פון געטאָ; אַנטאָנינאַ ראָגוסקאַ האָט זיך „ספּעציאַליזירט״ אין געפינען אַרבעטספּלעצער פאַר יִדישע פרויען און דערבײַ גאַראַנטירט פּערזענלעך אַז זיי זענען „אַריערינס״, ריזיקירנדיק דערבײַ מיטן לעבן; מאַיאַ לאַסקאַ, וואָס האָט דאַן געאַרבעט אין דער שטאָטישער עווידענץ־אָפּטיילונג און האָט אָפּערוויליק און מוטיק דערליידיקט צענדליקער געהיימע און פאַרבאָטענע מאַניפּולאַציעס מיט „אַרישע״ דאָקומענטן פאַר יִדן, שטעלנדיק איר לעבן אין קאָן, און צענדליקער אַנדערע סאָציאַלע טוערינס.

עס דאַרפן דערמאָנט ווערן די מוטיקע פּוילישע פרויען, ווי די לייטערין פון אַ פאָלקסשול אויף זשאָליבאָזש — אירענאַ קוראַווסקאַ, ווי סילוויאַ זשעטשיצקאַ, וואָס האָט געהאַט אונטער איר שוץ צענדליקער יִדן, ווי יוליאַנאַ לאַריש, וואָס האָט אַרויסגעראַטעוועט פון געטאָ 21 יִדן, און אַ סך אַנדערע.

דער קאָמוניסט גאַיִק („קשאַטשעק״), וואָס האָט געהאָלפן אַרויסצוראַטעווען יִדישע קעמפער פון געטאָ דורך די קאַנאַלן; און די סאָציאַליסטן סטעפאַן סאַוויצקי און סטעפאַן פּאָקראָפּיעק האָבן מיט זייער לעבן באַצאָלט פאַר זייער מיטאַרבעט מיט דער יִדישער אונטערערדישער באַוועגונג און פאַר העלפן יִדן. געמיינזאַם איז פאַרגאָסן געוואָרן דאָס בלוט פון יִדישע און פּוילישע קעמפערס אין געמיינזאַמען קאַמף קעגן דעם שונא.

דער פּוילישער מוזיקער לודאָמיר מאַרטשאַק האָט געהאַט אונטער זײַן שוץ אַ גרופּע פון 15 יִדן אין אַ „בונקער״ אויף נאָוויניאַרסקע־גאַס. צוליב אַ מסירה האָט די געסטאַפּאָ אַנטדעקט די באַהעלטעניש און מאַרטשאַק איז צוזאַמען מיט אַלע אויסבאַהאַלטענע יִדן דערשאָסן געוואָרן.

עס דאַרף דערמאָנט ווערן די אָפּערוויליקע הילף פון אַ פּוילישן פויער פון דער געגנט פון דאָרף לאָמיאַנקע, קאַישטשאַק, וואָס האָט אַקטיוו געהאָלפן די קעמפער פון דער יִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, די הילף פונעם געוועזענעם פּוילישן אָפיציר פּעראָ, וואָס איז דערשאָסן געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ, און פון צענדליקער פּאָליאַקן, וואָס האָבן דערטיילט הילף אַנאָנים, נישט דעקאָנספּירירנדיק זיך, נישט אָנגעבנדיק זייערע נעמען. זיי זענען אָבער געווען באַקאַנט דער יִדישער אונטערערדישער באַוועגונג — ווי: „דער געוועזענער בירגערמײַסטער פון צעלעסטינאָוו״; „דער אינזשיניער פון סאַפּיעזשינסקאַ־גאַס״; „דער לערער פון וואַלד — דער באַשיצער פון יִדישע פּאַרטיזאַנער״, „די באָבעשי פונעם מאַרקסטראַגאַן מיט גרינוואַרג״, און צענדליקער אַנדערע.

די צאָל פון די דאָזיקע אַנאָנימע, איידעלע פּאָליאַקן, צעזייטע איבערן גאַנצן לאַנד, איז געווען גרעסער ווי מען מיינט. טויזנטער יִדן האָבן זיי צו פאַרדאַנקען זייער לעבן.

די פּאָליאַקן, וואָס זענען דאָ דערמאָנט געוואָרן, זענען נאָר אַ קליינער טייל פון די וואָס האָבן, ריזיקירנדיק מיט זייער לעבן, געהאָלפן און געראַטעוועט.

סראָלקע קאָט (בוענאָס־איירעס)

ווי אַזוי עס איז געפֿאַלן אין העלדישן קאַמף יונה סוכאַטשעווסקי

איצט האָבן מיר שוין דעם ריכטיקן קאָמאַנדיר, האָט מען איבערגעגעבן, איינער דעם צווייטן, מיט דער גרעסטער צופֿרידנקייט. אַפֿילו די וואָסטאָטשניקעס, ווי מען פֿלעגט רופֿן די פּאַרטיזאַנערס פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד, ווײַזן אַרויס צו אים רעספּעקט און אָנערקענונג אַלס מענטש, קעמפֿער און קאָמאַנדיר. ווער איז דאָס? פֿרעגט איינער דעם צווייטן. — אַ וואַרשעווער דרוקער־אַרבעטער, דערצויגן אין פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראיין, יונה סוכאַטשעווסקי, געבוירן אין יאָר 1914. אין וואַלד איז דער פּסעוודאָנים זײַנער „סאַשאַ", צווישן חברים אין פֿאַראיין אָדער אין ספּאָרט־קלוב „מאָרגנשטערן" פֿון וואַרשע, פֿאַר דעם קריג, פֿלעגט מען אים אויך רופֿן יעזשי. זײַענדיק אַ דרוקער־אַרבעטער האָט זיך יונה סוכאַטשעווסקי שטענדיק געפֿונען אין די אַרבעטער־רײַען, פֿאַרטיידיקט די אינטערעסן פֿון זײַן קלאַס, וואָס זענען אויך די אַלגעמיינע אינטערעסן פֿון דער מענטשהייט. דער אָנפֿאַל פֿון נאַצי־דײַטשלאַנד אויף פּוילן אין יאָר 1939, און די צײַטווײַליקע אָקופּאַציע דורך די נאַציס פֿון דער פּוילישער טעריטאָריע ביז דעם טײַך בוג, האָבן באַוויגן יונה סוכאַטשעווסקין ווי טויזנטער אַנדערע אַרבעטערס און ייִדן, אַריבערצוגיין אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע, כּדי אויסצומײַדן אַזוי אַרום די אויסראָטונג וואָס איז אים פֿאַרגעשטאַנען אונטערן נאַציזם, אַלס ייִד און אַלס באַוווּסטזיניקער אַרבעטער. אין ראַטנפֿאַרבאַנד קריגט יונה סוכאַטשעווסקי די מעגלעכקייט צו אַרבעטן רויִק, זיך אײַנבירגערן ווי אַ נײַער סאָוועטישער בירגער אָן דיסקרימינאַציעס. דאָס איז פֿאַר אים געווען די צוקונפֿט פֿאַר וועלכער ער האָט אין זײַן יוגנט פֿיל ענערגיע אַוועקגעגעבן. דער באַרבאַרישער אָנפֿאַל פֿון נאַצי־דײַטשלאַנד אויפֿן ראַטנפֿאַרבאַנד דעם 22טן יוני 1941, האָט צוריק אַרײַנגעשלעפּט אונדזער שפּעטערדיקן קאָמאַנדיר „סאַשאַ" אונטער דעם נאַצי־רעזשים, פֿון וועלכן ער האָט זיך שוין איצט נישט באַוויזן אַרויסצובאַקומען. יונה סוכאַטשעווסקי בלײַבט אין סלאָנים אונטער דער אָקופּאַציע פֿון נאַציזם. נישט ווערנדיק פֿאַרצווייפֿלט, מיט זײַן קלאָרן סאָציאַל־קעמפֿערישן באַוווּסטזײַן, שטעלט ער זיך אין קאָנטאַקט מיט די סאָוועטישע פּאַרטיזאַנערס וואָס אָרגאַניזירן זיך אונטער דער אָנפֿירונג פֿון גענעראַל קאַפּוסטאַ אין די סלאָנימער וועלדער. יונה סוכאַטשעווסקי אָרגאַניזירט פֿיל ייִדן פֿון סלאָנימער געטאָ פֿאַר די פּאַרטיזאַנער רײַען. די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג פֿון די סלאָנימער וועלדער צעוואַקסט זיך אין אַ כּוח, זי פֿירט דורך פֿיל סאַבאָטאַזש־אַקטן און אַפֿילו פֿיל אָפֿענע שלאַכטן מיט דער געסטאַפּאָ. יונה סוכאַטשעווסקי וואַקסט אויס אין קאַמף צו אַ פֿאַרבינדלער אין העכסטן מאַסשטאַב פֿון דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג. ער איז אָנגעזען און ווערט געשעצט בײַ אַלע פּאַרטיזאַנערס. די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג האָט באַשיצט און געגעבן די מעגלעכקייט אַלע ייִדן וואָס זענען נאָר געקומען צו אירע רײַען, צו נעמען נקמה, צו שטעלן זיך אין קאַמף קעגן נאַציזם. די דײַטשן האָבן אַרויסגערופֿן גרויסע פֿאַרשטאַרקונגען, אַפֿילו אויך אַוויאַציע, און אָנגעהויבן צו באָמבאַרדירן און ברענען די וועלדער. זיי האָבן אַרומגערינגלט די פּאַרטיזאַנערס און זיך געשטעלט קעמפֿן פֿאַר יעדן מעטער וואַלד. פֿיל מאָנאַטן האָט געדויערט דער קאַמף. ס׳איז געווען אַ שווערער גראַנגל. אין איינצלנע פֿאַלן האָבן פּאַרטיזאַנישע גרופּעס אַ דורכגעריסן און פֿאַרשאַפֿנדיק פֿיל קרבנות דער דײַטשער אַרמיי, און זיך פֿאַראייניקט מיט אַנדערע גרופּעס אין אַנדערע וועלדער. פֿון די סלאָנימער וועלדער האָבן צײַטווײַליק זיך צוריקגעצויגן די פּאַרטיזאַנערס אויף אַנדערע קאַמפּפּלעצער.

יונה סוכאַטשעווסקי קומט אין ביאַליסטאָקער געטאָ. ער שטעלט זיך אַרבעטן אַלס קעסל־הייצער אין מוזיי פֿון געסטאַפּאָ. אָבער זײַן קאַמף איז נאָך נישט געענדיקט. ער קאָן נישט זיצן רויִק און צוזען די פירונג פֿון די יודענראַטניקעס, צוהערן צו די אײַנשלעפֿערנדיקע רייד זייערע ווי אין אַלע אַנדערע שטעט. די קאַמפּס־מאָראַל און די קרובישקייט פֿון די מיטקעמפֿערס, די געטרײַשאַפֿט פֿון איין קעמפֿער פֿאַרן צווייטן, די זאָרג פֿאַר דעם קעמפֿער מצד דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — דאָס אַלץ רופֿט צוריק צו דעם פֿרײַען, קעמפֿערישן, מענטשלעכן לעבן אין וואַלד.

יונה סוכאַטשעווסקי בינדט אָן קאָנטאַקט מיט דער אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע אין געטאָ. ער נוצט אויס זײַן אַרבעט אין געסטאַפּאָ צו שאַפֿן דורך פֿאַרשידענע מיטלען געווער און צו ברענגען עס אין געטאָ. אין יענער צײַט איז דאָס געווען די ריזיקאַלישסטע אַרבעט.

אין אַ קורצער צײַט אַרום ווערט יונה סוכאַטשעווסקי אַרויסגעשיקט צו אַ גרופּע אין וואַלד אַלס קאָמאַנדיר פֿאַר דעם פּאַרטיזאַנער אָטריאַד „פֿאָרויס", געשאַפֿן דורך דער אונטערערדישער אַנטיפֿאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין ביאַליסטאָקער געטאָ אין צוזאַמענאַרבעט מיט דער אַלגעמיינער אַנטיפֿאַשיסטישער באַוועגונג פּפּ״ר. אין וואַלד הייבט זיך אָן דער נײַער קאַמף, אין וועלכן אונדזער „סאַשאַ", דער איצטיקער קאָמאַנדיר, האָבנדיק די פּראַקטיק פֿון דער פֿריִערדיקער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג, שטעלט אײַן נײַע פֿאָרמען פֿון קאַמף און אָרגאַניזאַציע. סאַשאַ נעמט אויך אָנטייל אַלס שרײַבער־הומאָריסט אין דער צײַטונג, וואָס מיר גיבן אַרויס אין וואַלד פֿאַר דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג, מיט אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „דער מגיד און דער אַברעז". ער האָט געשילדערט אַ חבר אונדזערן וואָס האָט געטראָגן ברילן און אויסגעזען ווי אַ מגיד. דער דאָזיקער חבר האָט געהאַט אַ קורצע ביקס, ווײַל עס

איז געווען אָפּגעזעגט דער טייל פון דער לופּע, וואָס מען האָט גערופן אַברעז.

יונה סוכאַטשעווסקי האָט אין אונדז אַרײַנגעבראַכט אַ נײַעם גײַסט. אַ דיסציפּלינירטער, אַ חברישער, אַ העלדישער, רופט ער אַרויס רעספּעקט צו זיך און באַציט זיך מיט רעספּעקט צו אַנדערע. אין פיל קאַמפן מיט דער דײַטשער געסטאַפּאָ איז אויסגעקומען סאַשאַן אונדז צו פירן. שטענדיק פלעגן זײַן קרבנות, סײַ בײַ אונדז און סײַ בײַ די נאַציס. סאַשאַ פלעגט שטענדיק נאָך די קאַמפן איבעראָרגאַניזירן די גרופּע, כדי צו זײַן ווײַטער קאַמפסגרייט.

דער האַרבסט פון 1943 האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן מיט דעם אויפשטאַנד פון ביאַליסטאָקער געטאָ. דעם 16טן אויגוסט האָבן אויפן רוף פון אונדזער אָרגאַניזאַציע העלדיש און מוטיק אָנגעהויבן די חברים פון שטאָט דעם קאַמף קעגן דער פאַרניכטונג פון געטאָ דורך די דײַטשן, מיטן ציל צו שטערן, דורכן קאַמף, אַרויסצופירן די ייִדן אין טרעבלינקע. די אָרגאַניזאַציע האָט געוואָלט אַרויספירן וואָס מער ייִדן אין וואַלד צו אונדזער גרופּע. אונדזער הילף פון וואַלד האָט סאַשאַ גלײַך אָרגאַניזירט דורך אויסשטעלן חברים מיט געווער אויף אַלע וועגן וואָס האָבן געפירט פון שטאָט צום וואַלד, כדי אויפצונעמען אַלע ייִדן און קאַמפס־חברים וועלכע האָבן אַרומגעבלאָנקעט אויף די וועגן און זוכן זיך דעם וועג צו אונדז. מען האָט געדאַרפט זיי ברענגען צו אונדז, מיר זאָלן זיי באַשיצן. דאָס אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד, דאָס פאַרניכטן דאָס געטאָ און דאָס אַרויספירן די ייִדן אין טרעבלינקע האָט געדויערט דעם גאַנצן מאָנאַט. דורך דער צײַט האָט אונדזער סאַשאַ אַלע געבראַכטע ייִדן פון געטאָ אײַנגעטיילט אין גרופּעס, זיי צעשפּרייט איבערן וואַלד, עס זאָל נישט זײַן שטאַרק קענטיק אויף איין אָרט. די וואָס האָבן געבראַכט געווער פון געטאָ, זענען געוואָרן קאַמפסגרופּעס, צוזאַמען מיט די פריִערדיקע פּאַרטיזאַנער. די דײַטשן האָבן פאַרשטאַנען אַז פיל קעמפערס זענען אַוועק מיט געווער אין די וועלדער. אויסער דעם האָט אונדזער גרופּע זיך גענומען ענערגיש אײַנצואָרדענען אַלע ייִדן. נאָכן פאַרגרעסערן אונדזער גרופּע מיט נײַע חברים האָבן מיר אָנגעהויבן אַ גרעסערע סאַבאָטאַזש־אַקטיוויטעט, וואָס האָט געבראַכט צו אַ גרויסע שטערונג פאַר דער נאַצישער אַרמיי און געסטאַפּאָ אין זייערע באַוועגונגען אויף די וועגן און אין די דערפער נאָענט פון וואַלד. געוויסע שפּיאָנען פון דער ציווילער באַפעלקערונג וואָס האָבן געדינט די דײַטשן, פלעגן דערטראָגן דעם שונא ווּ מיר געפינען זיך. און זיי פלעגן פאַרלײַכטערן די אָנפאַלן אויף אונדז. איין שפּיאָן אַזאַ, דער פּאָליאַק קאַראַבאָוויטש, וואָס איז געווען פאַר דער מלחמה אַ וואַלדאַרבעטער אין דער זעלבער געגנט, האָט געוווּסט און אויסגעצייכנט זיך פאַרשטאַנען אויף אַלע סימנים. ער פלעגט די דײַטשן פירן דורך די קאָמפּליצירטסטע וועגן, און זיי ברענגען צו אונדז. זייער פיל קרבנות און שלאַכטן האָבן מיר צוליב אים פאַרלוירן. אויך דעם 25טן סעפּטעמבער 1943, אין איזאָווער וואַלד, האָט דער שפּיאָן געפירט די דײַטשן צו אונדז אין שלאַכט, אין וועלכער דער קאָמאַנדיר אונדזערער „סאַשאַ" האָט פאַרענדיקט זײַן לעבן אין קאַמף.

נאָך אַ לאַנגער, האַרבסטיקער קאַלטער, פינצטערער נאַכט אין דעם דאָרף קאַראַקלע, ווּ מיר האָבן פאַרשפּרייט אונדזער אויפקלערונג צווישן די פּויערים. און געהאַט מיט זיך עסן אויף עטלעכע וואָכן פאַר די אַלע ייִדן וואָס זענען געקומען צו אונדז פון געטאָ, האָבן מיר זיך געזעצט אָפּרוען צווישן די ביימער. אונדזער קאָמאַנדיר יונה סוכאַטשעווסקי האָט אײַנגעשטעלט נײַע דרײַ קאַמפסגרופּעס, אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיט די נײַע קאָמאַנדירן וועגן דער ווײַטערדיקער אַקטיוויטעט פון אונדזער גרופּע, וועלכע וועט בלײַבן איבערווינטערן אין די געגנטן, עטלעכע צענדליק קילאָמעטער אַרום ביאַליסטאָק.

אַלע ליגן מיר צעשפּרייט אונטער די ביימער אין גרופּקעס, טראַכטנדיק וועגן די נאָר וואָס אין געטאָ אומגעבראַכטע עלטערן, ברידער, פרײַנד און חברים־קעמפער. עס מערקן זיך שוין געלע בלעטער אויף די ביימער, וואָס דער האַרבסטיקער ווינט רײַסט אַראָפּ זיך שפּילנדיק מיט זיי אין דער לופטן, ביז זייער אַראָפּפאַלן אויף דער ערד, ווּ טויזנטער אַנדערע געלע בלעטער וואַרטן שוין אויף זייער אָנקום, און צוזאַמען מאַכן זיי אַ געלן ווייך־העסעבעט פאַר אונדז פּאַרטיזאַנער, צו קענען זיך אָפּרוען. די זון, אַ נידעריקע, קוקט אַרײַן אין אונדזער לעבן, גלעטנדיק דורך אירע שטראַלן מיט אַ מילדער וואַרעמקייט אונדזערע קערפּערס וואָס זענען האַלב צוגעפרוירן, פון לעבן לאַנג אונטער דעם פרײַען הימל און שלאָפן אויף דער הוילער ערד, פון וועלכע עס יאָגט אַרויס אַ ווינטערדיקע קעלט, אָנזאָגנדיק דעם אָנקום פון ווינטער. די חברטעס אונדזערע האָבן צעוואַשן אַ ביסל וועש און אויסגעהאָנגען אויף די ביימער. אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַ היימישן ליכטיקן ווינקל אין דער ווילדערניש פון אַרומיקן וואַלד. עטלעכע טריט אַרויס פון דעם קרײַז איז שוין פינצטער, אָנגעוואָרפן, נישט־קולטיווירט. דורך אַ קורצער צײַט שאַפט דער מענטש מיט זײַן פאַרהאַלטן זיך אויף אַן אָרט, אַ ווינקל ווּ עס הייבט אָן אויפצולעבן.

אין דער געמיטלעכקייט האָט זיך פּלוצלונג אַדורכגעריסן אַ שאָס, וואָס האָט געלעכערט די לופט, מיט אַ שטאַרקן אָפּקלאַנג און עס זענען געקומען עטלעכע ענטפערס, וואָס צוזאַמען האָט דאָס פאַרהילכט דער וואַלד־ווילדערניש. דאָס האָט אונדזער חבר אויפן וואַכפּאָסטן, זעענדיק אַז עס דערנענטערן זיך דײַטשן, אָנגעהויבן שיסן צו זיי און צו וואָרענען אונדז קעגן דער געפאַר, מען זאָל האָבן צײַט זיך גרייטן צום קאַמף. דער חבר איז דער ערשטער געפאַלן. „סאַשאַ", דער קאָמאַנדיר, פאַראָרדנט גלײַך אַראָפּצונעמען די וועש און מיט די באַוואָפנטע חברים שטעלט ער זיך קעמפן. געפירט זענען געוואָרן די דײַטשן דורך דעם שפּיאָן קאַראַבאָוויטש, וועלכן מיר האָבן שוין לאַנג אַרומגעזוכט, כדי אויסצופירן איבער אים אונדזער באַשטימטן טויטאורטייל. איצטער איז ער אומגעקומען דורך אונדזערע קוילן, אָבער צופיל האָבן מיר באַצאָלט פאַר זײַן טויט. עס זענען געפאַלן 6 חברים און 2 זענען פאַרוווּנדעט געוואָרן, רבקה שינדער וויסקאָווסקאַ און שמחה לאָווע. מיר זענען געווען גרייט צום קאַמף, צען באַוואָפנטע מיט 2 פּולעמיאָטן, איין דיעשאַטקע (אַ ביקס וואָס שיסט אַרויס מיט איין מאָל צען קוילן) וואָס סאַשאַ האָט געטראָגן און די איבעריקע האָבן געהאַט מאַוזער־ביקסן. די דײַטשן זענען געקומען באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס מיט די נײַסטע געווער און 20 מאָל אַזוי פיל אין צאָל. דער וואַלד איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הילכיקער פּאָזיציע. סווישטשענדיקע קוילן רײַסן זיך דורך דער לופט, צווישן די ביימער, אָפּברעכנדיק צווײַגן. באַפעלן, געריטשעטע ווי די חזרים הערן זיך פון די דײַטשע עלטסטע. פון דעם גרויסן געראַנגל אין דער טיפעניש פון איזאָווער וואַלד זענען געפאַלן פיל קעמפערס, פרויען און מענער. צווישן די פרויען קעמפערינס האָט זיך אויך געפונען סאַשאַס פרוי פאַני. זייענדיק אין אַ אַרומרינגלונג, נאָכן האָבן אויסגעשאָסן אין דעם שונא ביז דער לעצטער קויל, האָט סאַשאַ די לעצטע קויל געגעבן זיך, ווי דאָס געזעץ איז פאַר אַ העלדיש איבערגעגעבענעם קעמפער, בכדי נישט אַרײַנצופאַלן אַ לעבעדיקער אין דעם שונאס הענט.

מיט דעם איז פאַרענדיקט געוואָרן זײַן העלדיש און קעמפער־

ריש לעבן. ער וועט שטענדיק זײַן פאַר אונדז, זײַנע חברים און זײַן פאָלק אַ מוסטער פון העלדישקייט און אויסגעהאַלטנקייט פון וועלכער עס וועלן זיך לערנען און נעמען אַ בײַשפּיל קומענדיקע רורות.

דער אָנקום פון דער נאַכט האָט איבערגעריסן דעם קאַמף. די דײַטשן האָבן צוגענומען זייערע דערהרגעטע און דעם טויטן שפּיאָן, און מיטן לעצטן געררויש פון זייער אויטאָמאָטאָר זענען זיי אין דער פינצטער פאַרשוווּנדן.

פון דעם געהיימניספולן טיפן וואַלד איז די שטילקייט נאָך שטילער געוואָרן. אויף דעם אָרט וווּ אונדזערע העלדישע חברים־קעמפערם האָבן זייער לעצטן אָטעם אַרויסגעלאָזט האָבן די ביימער מיט זייערע בלעטער פאַרשטעלט די זיך אַראָפּלאָזנדיקע זון, עס זאָל נישט געשטערט ווערן זייער אייביקער רו.

נחמן מייזל (ניו־יאָרק)

מרדכי אַניעלעוויטש

הויפּט־קאָמאַנדיר פונעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד

1.

„דאָס וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, לאָזט זיך נישט באַשרײַבן מיט ווערטער. מיר גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון פון איין זאַך: דאָס, וואָס איז געשען, האָט איבערגעשטיגן אונדזערע סאַמע דרייסטע טרוימען...״

און ווײַטער: „... זײַ געזונט, מײַן טייערער! אפשר וועלן מיר זיך נאָך טרעפן. דער טרוים פון מײַן לעבן איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. די ייִדישע זעלבשוץ אין געטאָ איז געוואָרן אַ פאַקט. דער ייִדישער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד און די ייִדישע נקמה האָבן באַקומען רעאַלע פאָרמען. איך בין געווען אַן עדות פון אַ פּרעכטיקן, העראָישן קאַמף פון די ייִדישע אויפשטענדלערס״.

אזוי האָט געשריבן דער יונגער, 24יאָריקער מרדכי אַניעלעוויטש פון וואַרשעווער געטאָ־גיהנום צו זײַן חבר יצחק צוקערמאַן (אַנטעק) דעם 23טן אַפּריל 1943, אין סאַמע ברען פונעם פאַרצווייפלטן, אָבער העראָישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, בעתן גרויליקן העלדישן קאַמף, — דעם קאַמף מער פאַר אַ ווערדיקן טויט, ווי פאַרן טראַגישן לעבן. דער יונגער הויפּט־קאָמאַנדיר מרדכי אַניעלעוויטש, אין זײַן טיפער באַשיידנקייט, שרײַבט, אַז ער איז „געווען אַן עדות פונעם העראָישן קאַמף״. מיר ווייסן, אַז ער איז געווען פיל מער ווי בלויז אַן עדות. ווען ער האָט געשריבן דעם לעצטן בריוו, האָט ער מיט זײַנע קאַמפסגרופּעס זיך געפונען אין די מוראדיקסטע געפערלעכע באַדינגונגען. ער שרײַבט אַליין אין זײַן בריוו: „עס זענען נישטאָ קיין ווערטער צו באַשרײַבן אין וואָס פאַראַ באַדינגונגען עס לעבן איצט ייִדן אין געטאָ. בלויז יחידים וועלן דאָס אויסהאַלטן. אַלע אַנדערע וועלן פריִער אָדער שפּעטער אומקומען. זייער גורל איז געחתמעט. כמעט אין אַלע מלינות (בונקערס), אין וועלכע עס באַהאַלטן זיך אויס טויזנטער מענטשן, קאָן מען נישט אָנצינדן קיין ליכט, ווײַל עס פעלט לופט״ (ב. מאַרק — „חורבות דערציילן״, 1947, ז׳ 251).

און נישט נאָר אַלעמענס גורל איז געווען געחתמעט, אויך זײַן, מרדכי אַניעלעוויטשעס גורל איז געווען געחתמעט. אין די גרויזאַמסטע באַדינגונגען אינעם בונקער פונעם הויפּטשטאַב פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויף מילאַ־גאַס 18, וווּ ער מיט אַ צאָל פון זײַנע קאַמפּס־אָפּטיילונגען האָבן זיך געפונען, איז מרדכי אַניעלעוויטש געווען טעטיק, העלדיש געראַנגלט זיך, געקעמפט און לסוף מוטיק און אין די מוראדיקסטע יסורים אומגעקומען. זײַן האָפענונג — „אפשר וועלן מיר זיך נאָך טרעפן״ — איז נישט מקוים געוואָרן! נאָך דער שלאַכט פונעם 8טן מײַ 1943, איז ער, צוזאַמען מיט זײַן טרײַער חברטע מיראַ פוכרער און מיט נאָך אַן אַכציק קעמפער געפאַלן, ווען דער בונקער איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך דעם דײַטשן מיליטער וואָס האָט פאַרקאַפּט אַלע אַרײַנגענג צום בונקער און פאַרוואָרפן אים מיט האַנטגראַנאַטן און גאַזבאָמבעס...

וועגן דעם גרויליקן „לעבן״ פון די העלדישע געטאָ־אויפשטענדלערס אין דעם בונקער און וועגן די לעצטע טעג פון די פאַרצווייפלטע קאַמפן צווישן די ברענענדיקע חורבות און וועגן דער האַלטונג פון דעם יונגן מרדכי אַניעלעוויטש, האָבן מיר רירנדיקע און אויפטרייסלענדיקע שילדערונגען. עס דערציילט טוביה באָזשיקאָווסקי, איינער פון די טיכטיקסטע קעמפער־אויפשטענדלער: „דער בונקער אויף מילע 18 איז געווען נישט נאָר אַן אָרט פון גרויסע ייִדישע ליידן און אַ באַזע פון אַ גרויסער צאָל קאַמפסגרופּעס. דאָרט איז אויך געווען די הויפּט־קאָמענדאַנטור פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דער בונקער אויף מילאַ 18 איז געווען דער הויפּטנערוו און דער צענטראַלער פּונקט פון דער אויפשטאַנד־באַוועגונג. פון דאָרט האָבן זיך געצויגן פעדעם צו אַלע קאַמפּס־פּאָזיציעס פון געטאָ. דאָרט אַהין זענען געקומען די פאַרבינדונגס־מענער און קעמפערס איבערצוגעבן באַריכטן פון די באַזונדערע קאַמפּס־אָפּשניטן און פון דאָרט זענען אַרויסגעגאַנגען אינסטרוקציעס פון דער קאָמענדאַנטור בנוגע דער טאַקטיק אינעם קאַמף, וועגן דעם אַריבערוואַרפן כוחות פון איין אָרט אויפן צווייטן אאַ״וו״. אויך דאָס „לעבן״ גופא אינעם בונקער האָט פאַרלאַנגט פיל אויפמערקזאַמקייט, פאַרשטענדעניש און „סטראַטעגיע״. און ט. באָזשיקאָווסקי שרײַבט: „...מרדכי אַניעלעוויטש האָט פיל בײַגעטראָגן אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון די חברים אויף מילאַ 18. ער האָט נישט ווייניק צוגעהאָלפן בײַם אויסבילדן גוטע באַציִונגען צווישן די חברים און גרופּעס פון פאַרשידענע ריכטונגען. ער איז געווען דער לעבעדיקער נערוו און געהאַלטן אין האַנט אַלע פעדעם פון דער גרופּעס־טעטיקייט אין בונקער. אין דעם ענגן און איבער די ברעגעס אָנגעפּראָפּטן בונקער, וווּ מען האָט באַדאַרפט קעמפן מיט די עלנבויגנס בכדי זיך דורכצושטופּן פון איין ווינקל אין צווייטן, האָט מען שטענדיק געזען מרדכין אַרויספּלאָנטערן זיך פון איין קנויל מענטשן און אַרײַן אין אַ צווייטן. אומעטום האָט ער געמוזט זײַן. מיט יעדן חבר איז ער געקומען פּערזענלעך אין באַרירונג און

אויפגענומען אַלע ידיעות פון די באַזונדער׳ע קאַמפּסערטער. מיט יעדן חבר האָט ער זיך אויך באַראַטן וועגן די לויפנדיקע שוועריקייטן און וועגן דער טאַקטיק אין קאַמף. מרדכי איז געווען פון אַלעמען אָנערקענט און ער האָט געשטאַרקט מיט זײַן אָנוועזנהייט".

.2

מרדכי אַניעלעוויטש, דער יונגער װאַרשעווער בחור, האָט קיין מיליטערישע אַקאַדעמיע נישט געענדיקט. ער האָט אין קיין סטראַטעגישע שולעס נישט געלערנט. דער גרויזאַמער גורל האָט אים אַרויסגערוקט אין די פֿאָדערשטע רייען און איבערגעגעבן אין זײַנע הענט צו פירן קריגס־אָפּעראַציעס מיט אַ לחלוטין נישט־גלײַכן שונא, בײַ די אויסטערלישסטע באַדינגונגען און אויף די מערקווערדיקסטע פּאָזיציעס. נישט געקוקט אויף די פֿאַרצווייפלטע קאַמפן, וואָס מ׳האָט פירגענומען, האָט דער יונגער קאָמאַנדיר אויסגעאַרבעט פּלענער לויט די אַלע קריגסמעטאָדן. דער ציל פון דעם פֿאַרשטייענדיקן אויפשטאַנד אין דער װאַרשעווער געטאָ איז פֿאַר זײַנע אָנפירערס געווען אַ גאַנץ קלאָרער. ס׳איז אינעם שיפרירטן בריוו (צו די ברידער אין אויסלאַנד) געשריבן געוואָרן: „מאָרגן הייבט זיך דאָס אָן. מיר ווייסן זייער גוט וואָס עס דערוואַרט אונדז. מיר טרעטן אַרויס כדי צו דערפילן דעם חוב, פון וועלכן עס איז נישטאָ קיין צוריקוועגס. אָבער מיר וועלן עס אויספירן בשלימות. איר קאָנט דערין זיכער זײַן!"

הערש וואַסער, איינער פון די פּאָפּולערע טוערס אין דער װאַרשעווער געטאָ (ער איז געווען, אגב, אין דער דעלעגאַציע פון דעם פּוילישן צענטראַל־קאָמיטעט אין אַמעריקע, זומער 1946) דערציילט, אַז אויף דער קאָנפערענץ פון דער קאָמענדאַנטור דעם 18טן אַפּריל 1943 (אַ טאָג פאַרן אָנהייב פונעם געטאָ־אויפשטאַנד), אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט, „האָט מרדכי אַניעלעוויטש זיי באַקאַנט (געמאַכט) מיט די סטראַטעגישע ריכטליניעס פון די קומענדיקע געטאָקאַמפן: נאָך עטלעכע עפעקטפולע אָנגריפן, וואָס זאָלן דעם שונא פאַרשאַפן שמערצלעכע פאַרלוסטן, וועלן די פּאַרטייִקערס אַריבערגיין צו פּאַרטיזאַנישע קאַמפּסמעטאָדן. מאַטערן די דײַטשן מיט אומאויפהערלעכע אָנגריפן פון הינטערן טויער, פענצטער, חורבה — בײַ טאָג און בײַ נאַכט, אויסקרישלען פון די אָנגרײַפערס זייער געווער און חוצפּה. מיר האָבן געשאַפן אונדזער אייגענע סטראַטעגיע אינעם געטאָ־לאַבירינט. חדשים וועלן די דײַטשן מוזן קעמפן אין געטאָ, און אויב מיר וועלן באַקומען אַזוי פיל געווער, אַמוניציע און אויפרײַס־מאַטעריאַלן, וויפל מיר פאָדערן און דאַרפן, וועלן די שלאַכטן אין געטאָ אָפּקאָסטן דעם שונא אַ ים בלוט. מיר וועלן אויך ווײַזן דער פּוילישער אַרבעטערשאַפט, וואָס עס הייסט (האָבן) גלויבן און צוטרוי אין אייגענע כוחות. דאָס זענען געווען די רייד פון מרדכי אַניעלעוויטש אַ טאָג פאַרן אויפשטאַנד" (ב. מאַרק — „חורבות דערציילן", ז׳ 195).

אַז מרדכי אַניעלעוויטש האָט זיך פיבערדיק און לײַדנשאַפטלעך געגרייט צום העראָיִשן אויפשטאַנד דערציילט זײַן טרײַע לעבנס־באַגלייטערין און מיטקעמפערין מירע פוכרער, וועלכע איז געשטאַנען אַרום אים די גאַנצע צײַט פונעם אויפשטאַנד און איז מיט אים אומגעקומען. אין איינעם פון אירע בריוו צו חברים קיין אויסלאַנד האָט זי געשריבן: „מרדכי איז זייער שטאַרק פאַרנומען מיט משפּחה־ענינים טאָג און נאַכט. אויך איך בין טעטיק. איך בין זייער פאַרהאַוועט. אָבער מיין נישט, אַז איך באַקלאָג זיך. עס איז מיר גוט. איך בין נאָך קיין מאָל נישט געווען אַזוי גליקלעך... און קיין מאָל האָב איך אים (אַניעלעוויטשן) אַזוי נישט ליב געהאַט מיט מײַן גאַנצן לײַב און לעבן ווי איצט" (ב. מאַרק — ז׳ 174, מ. ניישטאַדט „חורבן און אויפשטאַנד פון די ייִדן אין װאַרשע", תל־אביב, 1948, ז׳ 583).

ס׳איז כדאי צו באַמערקן, אַז צום צווייטן יאָרטאָג פונעם װאַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד (אַפּריל 1945) האָט דער גענעראַלשטאַב פונעם פּוילישן מיליטער באַערט מיט אויסצייכענונג־אָרדנס פאַר זייערע העלדישע קאַמפן קעגן דעם נאַצישן אָקופּאַנט 50 געטאָ־קעמפערס. דער ערשטער אין דער רשימה איז מרדכי אַניעלעוויטש. דאָס צעטל איז פאַרעפנטלעכט אין לאָדזשער „דאָס נײַע לעבן" (1טער מײַ 1945 און אויך אין דערמאָנטן מ. ניישטאַדט־בוך (ז׳ 328).

.3

מרדכי אַניעלעוויטש, דער יונגער קאָמענדאַנט פונעם אויפשטאַנד אין װאַרשעווער געטאָ, וועלכער איז אומגעקומען אונטער די חורבות פון דער צעשטערטער ייִדישער װאַרשע, איז געבוירן געוואָרן אין װאַרשע אין יאָר 1919, אויף סאָלעץ־גאַס, אינעם פּוילישן פּראָלעטאַרישן קוואַרטאַל פּאָוווישליע, וווּ ס׳האָבן געוווינט ווייניק ייִדן. דאָרט, אין זײַן קוואַרטאַל, האָט „ער פון קינדווײַז אָן געהאַט צו טאָן סײַ מיט אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס, סײַ מיט באַוווסטזיניקע פּוילישע אַרבעטערס, וועלכע האָבן אינעם ערשטן מײַ די אָרעמע גאַס פאַרוואַנדלט אין אַ שלאַכטפעלד" (ב. מאַרק, ז׳ 57). ער איז געווען אַ זון פון אַן אָרעמער האָרעפּאַשנער פאַמיליע, וואָס האָט געפירט אַ ביטערן געראַנגל פאַר דער עקסיסטענץ. „די מוטער האָט פאַרקויפט פיש, ער אַליין פלעגט אויפן וועג אין דער שול אויסטיילן פרישע געבעקס צו בעלי־ביתטעס" (מ. ניישטאַדט, ז׳ 331). ער איז דערנאָך געווען אַ שילער פון דער ייִדיש־פּוילישער גימנאַזיע „לאור". ער האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט אין דער גימנאַזיע, באַקומען אַ סטיפּענדיע און באַפרײַט געוואָרן פון שכר־לימוד. ער איז געווען אַ גלענצנדיקער ספּאָרטלער און געווען שטאַרק באַליבט צווישן די חברים. אין עלטער פון 14־15 יאָר איז ער אַרײַנגעטראָטן אין „השומר הצעיר", געווען מיטגליד פון גדוד „בחזית" (אין פראָנט) און אין גיכן איז ער „איינער פון די טרײַסטע און איבערגעגעבנסטע חברים פון װאַרשעווער „קן" (נעסט, קעמערל). ער איז געוואָרן דער מדריך (אָנפירער) פון אַ דערציִערישער קבוצה אין גדוד „תל עמל" און דערנאָך (אין 1937) דער אָנפירער פונעם גאַנצן גדוד און אַ מיטגליד פונעם קן. דער קן האָט זיך דאַן געפונען אויף רימאַרסקע 12, נאָענט צום זאַקסישן גאָרטן, בײַ דער גרענעץ פונעם פּוילישן שטאָטטייל, פון וואַנען עס פלעגן זיך אַרויסרײַסן פון צײַט צו צײַט באַנדעס פּוילישע פאַשיסטן און מאַכן איבערפאַלן אויף דער ייִדישער געגנט. אָפט מאָל האָבן זיך דערטראָגן צום קן געוואַלדן און געקלאַנג פון שויבן־ברעכערײַ. גרופּעס יונגטלעכע פלעגן זיך דאַן אַרויסלאָזן פון קן מיט שטעקנס אין די הענט, און מרדכי האָט מיט זיי קאַלטבלוטיק אָנגעפירט און לויט אַ באַשטימטן פּלאַן האָט ער געגעבן קלעפּ אָן אויפגערעגטקייט! אַ מאָל, נאָך אין יענער צײַט, האָט איינער אַ חבר געזאָגט: „ווען מרדכי וואָלט נישט געווען קיין ייִד, וואָלט ער געוואָרן אַ גענעראַל". מרדכי „איז געווען אַ הויכער, געזונטער, פלײַסיקער" (ב. מאַרק — ז׳ 56, מ. ניישטאַדט — זז׳ 331־332). ער איז געווען אַ פעסט־געבויטער, פאַרמאָגט זעלבס־דיסציפּלין און איז געווען אויסגעהאַלטן אין זײַנע האַנדלונגען. אַזאַ פאַל: „צו די אַרויסלאָז־עקזאַמענעס אין גימנאַזיע (זומער 1938) איז ער געקומען אין דער „השומר"־קליידונג. די שול־דירעקציע, וועלכע איז שוין פון לאַנג בייז געווען אויף אים, ווײַל ער ציט אַרײַן אַ סך תלמידים אין דער באַוועגונג, האָט אים — איינעם פון די בעסטע תלמי־

דים — דורכגעוואָרפן בײַ די עקזאַמענעס און ער איז געווען געצווּנגען פאָרצוזעצן די לימודים נאָך אַ צוגאָביאָר” (מ. ניישטאַדט, ז' 332).

אָנהייב די צווייטע וועלט־מלחמה איז מרדכי אַניעלעוויטש מיט אַ גרופּע חברים אַוועק קיין קאָלאָמיי, פון דאָרט אינעם שטעטל קוטי (קיטעוו), ווּ ער האָט אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיט רומעניע. ווען וואַרשע איז אָקופּירט געוואָרן דורך די דײַטשן, איז מרדכי אַניעלעוויטש געקומען אין זײַן היימשטאָט. ער האָט דאַן באַזוכט אייניקע פּונקטן, וואָס די נאַצישע אָקופּאַנטן האָבן פאַרנומען. סוף 1939 איז ער אין שליחות פון דער באַוועגונג געווען אין ווילנע, פון וואַנעט ער איז יאַנואַר 1940 צוזאַמען מיט מיראַ פוכרער צוריקגעקומען און באַנײַט די אַרבעט פון זײַן קן. ער האָט רעאָרגאַניזירט דעם „קן”. אויף דער ערשטער פאַרזאַמלונג (אויף פּראָסטע־גאַס נומ' 5), מאַרץ 1940, ווען די דײַטשע מערדערס האָבן שוין געהאַט פאַרכאַפּט פּוילן און וואַרשע, „האָבן זיך באַטייליקט הונדערטער חברים און חברטעס”. „מרדכי האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אינעם אידעאָלאָגישן ראַט פון דער באַוועגונג און דעם דריטן טאָג פון די ראַטזיצונגען האָט מרדכי אַניעלעוויטש געהאַלטן אַן אויספירלעכן רעפעראַט וועגן פּאָליטישע פּראַגעס. אַ יאָר שפּעטער האָט ער אָרגאַניזירט דעם צווייטן ראַט פון דער באַוועגונג און זיך באַטייליקט אין דערציִערישן סעמינאַר. ער איז געווען אַקטיוו אַלס מיטגליד פון דער אונטערערדישער הויפּט־אָנפירונג פון „השומר הצעיר” און נאָך דער דערמאָרדונג פון יוסף קאַפּלאַן איז ער געוואָרן מיטגליד פון דער אונטערערדישער „החלוץ”־צענטראַלע אין פּוילן”. ער איז געווען איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטערס און באַטייליקטע בײַם אַרויסגעבן די אונטערערדישע צײַטשריפט פון דעם „השומר הצעיר” „נגד הזרם” (קעגן שטראָם).

ווען אָנהייב 1942 זענען דערגאַנגען ידיעות, אַז פון די געגנטן וואָס זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן צום רײַך ווערן די יִדן אַרויסגעשיקט אין די טויטלאַגערן פון אָשוויענטשים, האָט זיך מרדכי אַניעלעוויטש אַוועקגעלאָזט קיין אייבערשלעזיע, ווּ ער האָט זיך געטראָפן אַחוץ מיט אַנדערע אויך מיטן פאָרזיצער פונעם דאָרטיקן יודענראַט מערין. דער יודענראַט־הויפּט האָט זיך באַמיט איבערצוצײַגן מרדכין אין די „גוטע כוונות”, די „פּאָזיטיווע מעשים” פון די יודענראַטן. מרדכי אַניעלעוויטש האָט אים אָפן און דרייסט דערקלערט אַז די יִדישע יוגנט וועט זיך אַנטקעגנשטעלן מיט כוח און געווער קעגן די ווײַטערדיקע דײַטשע גרויזאַמע „אַקציעס” און „זידלונגען” פון די יִדן. ער האָט מיטגעהאָלפן צו אָרגאַניזירן זעלבשוץ־גרופּעס אין די אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער באַוועגונג אין שלעזיע (מ. ניישטאַדט, ז' 333 און זאַמלונג „וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד”, צום 4טן יאָרטאָג, לאַנדסבערג, דײַטשלאַנד, זז' 14־15). דערהערט אַז ס'זענען אומגעקומען אין וואַרשע יוסף קאַפּלאַן און שמואל בראַסלאַוו (דעם 3טן סעפּטעמבער 1942), איז ער צוריקגעקומען קיין וואַרשע און איבערגענומען די אָנפירערשאַפט פון „השומר הצעיר”. ווי ס'ווערט איבערגעגעבן דורך מ. ניישטאַדט, האָט מרדכי אויך באַזוכט טשענסטאָכאָוו, ווּ ער האָט זיך געטראָפן מיט אריה ווילנער און צבי בראַנדעס און אויסגעאַרבעט פּלענער ווי צו אָרגאַניזירן די זעלבשוץ אין פאַרשידענע שטעט, און ווי אָנצוהאַלטן קאָנטאַקט צווישן די פּונקטן (ז' 333).

„אין געטאָ האָבן אים אַלע געקענט און באַצויגן זיך צו אים מיט סימפּאַטיע און אַכטונג. פאַר די אונטערערדישע פּוילישע מאַכטאָרגאַנען איז ער דערשינען אונטערן נאָמען „אַניאָלעק” (מלאכל). ער איז געווען אַקטיוו און האָט אַקטיוויזירט אַנדערע טאָג און נאַכט. זײַנע געדאַנקען און זײַן גאַנץ (לײַב און) לעבן זענען געווען געווידמעט דער צוגרייטונג פון דער לעצטער שלאַכט” (ז' 334).

4.

מיר טרעפן דעם נאָמען מרדכי אַניעלעוויטש אין די פאַרשידענע ווערק, וואָס דערציילן וועגן דער וואַרשעווער געטאָ. ד”ר הלל זיידמאַן אין זײַן „טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ” (בוענאָס־אײַרעס, 1947) גיט איבער וועגן אַ זייער טיף־טראַגישן מאָמענט — דעם געזעלשאַפטלעכן משפט איבער דעם יִדישן מסור און פאַררעטער ד”ר אַלפרעד נאָסיג, וואָס האָט, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, טרײַ און ערלעך געדינט די דײַטשע נאַציס און אין געטאָ האָט ער געהאָלפן דעם אויסראָט פון יִדן. דערציילט ער, אַז „דער יונגער אַניעלעוויטש, וואָס איז בײַגעווען, האָט געזאָגט: „זײַנע פאַרדינסטן פון פריִער? זײַנע טאַלענטן? אדרבא, דאָס לייגט אויף אים אַרויף נאָך מער אחריות”... (ז' 248). ווי באַקאַנט, האָט דאָס געריכט אַרויסגעטראָגן קעגן ד”ר א. נאָסיג, דעם מנובל, אַ טויטשטראָף, וואָס איז אויסגעפירט געווען דורך דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ דעם 12טן מאַרץ 1943” (ז' 248).

נאָך פריִער, דעצעמבער 1942, איז פאָרגעקומען אין אַ באַהעלטעניש אַ לאַנגע, לײַדנשאַפטלעכע דיסקוסיע איבער די דערהויבנסטע און געשיכטלעך־טיפסטע פּראָבלעמען פונעם יִדישן פאָלק אין פאַרבינדונג מיט דער אַרומיקער פאָלקס־קאַטאַסטראָפע. ס'זענען באַטייליקט די וויכטיקע היסטאָריקערס, דענקערס, דיכטערס, כלל־טוערס פונעם געטאָ, און די „דיסקוסיע” ווערט געפירט מיט ברען... און „אַזוי ציט זיך די דיסקוסיע אָן אַ סוף, ביז ס'קומען אַרײַן יוסף טענענבוים און זײַן פרוי אירענאַ, מ. אַניעלעוויטש, פּרץ לאַנדוי, י. רייזמאַן און פריילין טאָשיאַ... זיי רעדן אויך וועגן נקמה, אָבער אָן „גענדזנפיסלעך” און אָן ליטעראַטור”... — — „זיי זענען געקומען רעדן וועגן געווער. „כבוד”, „ווערדע”, „פאַלן מיט כבוד”, צו אַלדי... דריקן זיי זיך אויס ברוטאַל. דאָס איז אַן ענין פאַר צײַטונגס־שרײַבער, גיבן זיי מיר אַ שטאָך. נאָר אויב שוין גיין צו דער שחיטה, ווילט זיך האָבן איין מינוט פאַרן טויט דאָס זיסע נקמה־געפיל, דערזען דאָס טרייפענע בלוט פון דער בעסטיע זיך גיסן. וועט זײַן רעוואָלווערן, איז גוט. אַנישט — האָט מען אָנגעגרייט מעסערס...” (ז' 174).

אַן אינטערעסאַנטע באַמערקונג וועגן מ. אַניעלעוויטשן און זײַנע חברים האָבן מיר בײַ ד”ר ע. רינגעלבלום אין זײַנע „נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ”, (וואַרשע 1952): „די אָנהענגערס פון מרדכי (אַניעלעוויטש) האָבן נאָכן אָנהייב פון רוסיש־דײַטשן (קריג) באַשלאָסן צוריקציִען זייערע מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט אין די דײַטשע פּלאַצוווקעס, כדי נישט צו העלפן דעם שונא פון ראַטן־פאַרבאַנד. אַנדערש טוען די „איינציקע פאָרשטייערס”, זייער קאָאָפּעראַטיוו, אָגראָדאָווע 40, האָט געליפערט די בעסטע סחורה פאַר די שאָפּן. שטאַרקע פרײַזן — שוואַכע פרײַזן — שוואַכע מעשים, אָבער אייגנטלעך קיינע מעשים. מער נישט אין אויסלאַנד בלאָפט מען, אַז מען טוט אויף ווער ווייסט וואָס” (ז' 224).

וויכטיקע פּרטים וועגן מרדכי אַניעלעוויטשן, ווי ער האָט זיך געהאַלטן אין געטאָ, ווי ער האָט אויפגענומען וויכטיקע פּאָליטישע פּראַגעס און ווי אַזוי ער האָט זײַן שטעלונג אַדורכגעפירט אין לעבן, אין קאַמף, ברענגט די באַוווּסטע כײַקע גראָסמאַן אין איר אינטערעסאַנט בוך „אנשי המחתרת” (מענטשן פון אונטערגרונט, מרחביה, ישראל, 1950, 448 זז'). זי האָט, פאַרשטעלט פאַר אַ קריסטלעך מיידל, אייניקע מאָל באַזוכט אין שליחות דאָס וואַרשעווער געטאָ

און זיך געטראָפן עטלעכע מאָל, בײַ פאַרשידענע וויכטיקע אָנגעלעגנהייטן, מיט מרדכי אַניעלעוויטשן, וואָס האָט געטראָגן טרײַ און איבערגעגעבן, קלוג און געדולדיק זײַנע אומגעהײַערע אויפגאַבעס און פליכטן. „ער אײַלט, אָט איז שוין נאָכן טאָג, און ס'איז נאָך פאַראַן פיל אַרבעט". און שוין בײַ דער ערשטער באַגעגעניש האָט ער דערוועקט צוטרוי און אַכטונג. כײַקע כאַראַקטעריזירט אַזוי מרדכיס כאַראַקטער: אַ קלאָרער פאַרשטאַנד, אָן דריידלעך, מאַרקסיסטיש באַגרינדעט, אַן אַקטיווער, מוטיקער און אַן אײַנגעהאַלטענער. אַקטיווקייט אין געדאַנק, און געדאַנק אין דער טעטיקייט. שפּירנדיק שאַרף די געפאַר, איז ער אַ בריה קאַלטבלוטיק און באַרעכנט זי אויסצומײַדן. שטענדיק פאַרנומען מיט טראַכטענישן, אָבער גלײַכצײַטיק וואַך פאַר יעדער זאַך. און ווי גלענצנדיק ער האָט אויפגעפּאַסט אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען אַרום, און ווי ער האָט געקאָנט תופס זײַן די שטעלונג — אָפט מאָל אַ ווידערשפּרעכנדיקע — פון די מיטקעמפערס אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. ער האָט געהאַט בײַ די אויפפּאַסונגען אַ ווײַטן היסטאָרישן בליק. ער האָט געהאַט אין זינען די געשיכטע, די צוקונפט, וואָס וועט קומען שפּעטער, ווען קיינער פון די קעמפערס וועט שוין נישט זײַן (זז' 87־98).

5.

יאַנאַס טורקאָוו, דער באַוווּסטער שוישפּילער און רעזשיסער, דער מחבר פון עטלעכע גרינטלעכע ווערק וועגן דעם חורבן און ווידערשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, גיט מיר איבער פאָלגנדיקע נײַע פּרטים וועגן דעם יונגן קעמפער־מאַרטירער:

„איך האָב זיך באַקענט מיט מרדכי אַניעלעוויטשן בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע אין וואַרשע, אָנהייב 1940.

„איך בין דעמאָלט געווען דער אָנפירער פון פּליטים־ און נשׂרפים־אָפּטיילונג פון דער ייִדישער אַליינהילף (רימאַרסקע 20). געקומען איז צו מיר מרדכי אַניעלעוויטש (צוזאַמען מיט יוליאַ שאַפּירשטיין) וועגן אַ לאָקאַל אויף לעשנע 6, וואָס איז געווען פאַרנומען פון אַ קיבוץ פון „השומר הצעיר". אַזוי ווי דער לאָקאַל האָט זיך געפונען אויפן 5טן שטאָק, האָבן מיר געוואָלט איבערטראָגן דעם קיבוץ ערגעץ אַנדערש. מ. אַניעלעוויטש האָט פאַרלאַנגט, מען זאָל דעם קיבוץ איבערלאָזן אין דער זעלביקער דירה, ווײַל זיי האָבן שוין דאָרט אינסטאַלירט אַ קיך, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרעסערע הוצאות. דורך מײַן ביוראָ, אין דער אַליינהילף, פלעגן דורכגיין טויזנטער מענטשן און ס'איז דעריבער שווער געווען צו געדענקען אַלע באַזוכערס.

„ווי מאָדנע דאָס זאָל אָבער נישט קלינגען, — מרדכי אַניעלעוויטש האָט באַלד פונעם ערשטן מאָמענט, ווי נאָר ער האָט מיט מיר אָנגעהויבן צו רעדן, געמאַכט אויף מיר אַן אויסערגעוויינלעכן אײַנדרוק. ער איז געווען אַ הויכער, פעסט־געבויטער יונגער־מאַן, מיט אַן איידעלער באַנעמונג; ער האָט פאַרמאָגט אַ קלוג, גוטמוטיק, אָבער זייער ענערגיש פּנים, צעשמייכלטע אויגן, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעלויכטן פײַערלעך, וואָס האָבן ממש סוגעסטיאָנירט.

„ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו מיר פּויליש. אויף מײַן פראַגע, צי ער קען נישט קיין ייִדיש, האָט אַניעלעוויטש געענטפערט, אַז ס'איז אים לײַכטער צו רעדן אין דער פּוילישער שפּראַך".

„יעדעס וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, איז געווען געווויגן און געמאָסטן. ער האָט אַרגומענטירט מיט אַן אײַזערנער לאָגיק. אויף אַלע מײַנע קעגן־אַרגומענטן ,האָט ער געענטפערט רויִק און געלאַסן, אָבער מיט אַזאַ זיכערקייט, אַז מען האָט געקאָנט פאַרשטיין, אַז עס וועט זײַן אַזוי ווי ער וויל. ער האָט מיר טאַקע געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי וועלן די דירה אויף לעשנע־גאַס נישט פאַרלאָזן!

„איך האָב דערפילט, אַז דער יונגער בחור באַזיצט עפּעס אַ כּוח, וועלכן ס'איז אוממעגלעך זיך אַנטקעגנצושטעלן. ס'איז מיר דעמאָלט, נישט־ווילנדיק, אַדורך אַ געדאַנק, אַז דער דאָזיקער יונגער־מאַן וועט נאָך בײַ אונדז שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע.

„ווען איך האָב שפּעטער גערעדט מיט ד"ר עמנואל רינגעלבלום און אים איבערגעגעבן וואָס פאַראַ אײַנדרוק עס האָט אויף מיר געמאַכט אַניעלעוויטש ,האָט ער מיר געענטפערט: — יאָ, פון דעם בחור וועלן מיר נאָך האָבן אַ סך נחת!...

„צום צווייטן מאָל איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט מרדכי אַניעלעוויטש בײַ פאָלגנדיקע אומשטענדן: איך האָב זיך דערוווּסט אַז די טענצערין פראַנטשישקאַ מאַנוּוונאַ אַרבעט פאַר דער „געסטאַפּאָ" און זי האָט זיך „פאַראינטערעסירט" מיט דער אומלעגאַלער ליטעראַטור, וואָס די אונטערערדישע באַוועגונג האָט אַרויסגעגעבן אין געטאָ. איך האָב געהאַט ידיעות, אַז מאַנוּוונאַ איז אויף די שפּורן פון אייניקע אָרגאַניזאַציעס, ווו מען האָט געדרוקט אָדער קאָלפּאָרטירט די אונטערערדישע אויסגאַבעס. זי האָט זיך, צווישן אַנדערע, צו פיל אינטערעסירט מיט דעם „קן" אויף נאַלעווקעס 23. די אינפאָרמאַציעס, וועלכע איך האָב געקריגן, האָב איך איבערגעגעבן די געהעריקע אונטערערדישע אינסטאַנצן.

„מ. אַניעלעוויטש האָט מיך רויִק אויסגעהערט און אויף זײַן שטײַגער, מיטן באַקאַנטן שמייכל, לאַקאָניש געענטפערט: גוט צו וויסן!...

„אינעם זעלביקן טאָג איז טאַקע די חברטע פונעם „קן" אויף נאַלעווקעס 23, אויף וועמענס שפּור עס איז געפאַלן פראַנטשישקאַ מאַנוּוונאַ, אַוועקגעשיקט געוואָרן, אויב איך מאַך נישט קיין טעות, קיין גראָדנע. אַלע איבעריקע שפּורן פון דער דרוקערײַ און ליטעראַטור, וואָס עס האָט זיך דאָרט געפונען, זענען פאַרווישט געוואָרן. אויף מאַנוּוונאַ האָט די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע אַרויסגעטראָגן אַ טויטאורטייל.

„ווען עס איז אין געטאָ באַקאַנט געוואָרן, אַז מרדכי אַניעלעוויטש איז באַשטימט געוואָרן פאַרן הויפּט־קאָמענדאַנט פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, איז עס פאַר מיר געווען גאַנץ נאַטירלעך: דער ריכטיקער מאַן אויפן ריכטיקן אָרט!

„דערנאָך האָב איך זיך געטראָפן מיט אַניעלעוויטשן אין דער „אַליינהילף" (אינעם לעצטן זיצאָרט פון דער אָרגאַניזאַציע, אויף נאָוואָליפּקע 25). דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג פון דער „אויסזידלונג", יולי 1942. ער איז בײַ מיר געווען מיט מרים היינסדאָרף. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אָפּשטעמפּלען די „שײַנען" פאַר די מיטגלידער פון „השומר הצעיר". די דאָזיקע „שײַנען" האָבן געזאָלט פאַרהיטן פון דער „אויסזידלונג". איך האָב דעמאָלט איבערגעגעבן אַניעלעוויטשן און היינסדאָרף דעם שטעמפּל, זיי זאָלן אָפּשטעמפּלען וויפל „שײַנען" זיי דאַרפן. זיי האָבן עס געטאָן אויפן אָרט.

„צום לעצטן מאָל איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט אַניעלעוויטשן באַלד נאָכן העלדישן ווידערשטאַנד, בעת דער יאַנואַר־„אַקציע" 1943. וועגן אַניעלעוויטשעס העלדישקייטן בעת דער דאָזיקער „אַקציע" איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן, וועל איך זיך נישט איבערחזרן. איך האָב אים געטראָפן אין דער באַגלייטונג פונעם מיטגליד פונעם שטאַב פונעם „זשאָב" (ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַ־

ניזאַציע) לוטעק ראָטבלאַט, וואָס איז דעמאָלט געווען אָנגעטאָן ווי אַ געטאָ־פּאָליציאַנט.

„איך האָב אים גראַטולירט צו זײַן גרויסן נצחון דעם 18טן יאַנואַר. אַניעלעוויטש האָט, בײַ זײַן גרויסער באַשיידנקייט, נישט געוואָלט רעדן וועגן דעם. ווען ראָטבלאַט האָט מיט מיר אָנגעהויבן צו רעדן וועגן געווער, וואָס מיר האָבן געזאַמלט אויף מילנע 18 (אינעם געוועזענעם עמיגראַנטן־האָטעל), האָט מ. אַניעלעוויטש ווי אויפגעלעבט, און צוגעגעבן: — אָט, וועגן דעם דאַרף מען איצט רעדן! דאָס איז איצט דאָס איינציקע פּראָבלעם, וואָס אינטערעסירט אונדז!

„לײדער איז דאָס געווען דאָס לעצטע מאָל, ווען מיר איז אויסגעקומען צו רעדן מיטן אומפאַרגעסלעכן מרדכי אַניעלעוויטש”.

עד כאן יאָנאַס טורקאָוו.

6.

דער ערשטער באַוואָפנטער פאַרמעסט און געראַנגל פון מרדכי אַניעלעוויטש מיט די דײַטשע בעסטיעס איז פאָרגעקומען אין יאַנואַר 1943. דאָס איז געווען מאָנטיק, דעם 18טן יאַנואַר 1943. טוביה באָזשיקאָווסקי מאָלט אַזוי יענעם גרויזאַמען טאָג: „פרימאָרגן־שעהען פון דעם ווינטערדיקן באַגינען. פון די הײַזער האָבן, ווי תמיד, אָנגעהויבן אַרויסקריכן ייִדן מיט פאָרזיכטיקע טריט און דערשראָקענע אויגן, מיט דער געוויינלעכער אומזיכערקייט פאַרן אָנקומענדיקן טאָג. דאָ און דאָרטן, פון גאַסן און געסלעך, האָבן מחנות ייִדן אָנגעהויבן ציִען צום זאַמלפונקט, פון וואַנען מען גייט אַרויס פון געטאָ צו דער אַרבעט. אויפן פּלאַץ בײַם „יודענראַט” זענען שוין געשטאַנען אויסגעשטעלטע רייען צום איבערציילן. פּלוצלינג האָט יעדער אָנגעהויבן צו פילן אַז עפּעס גרייט זיך הײַנט אויסערגעוויינלעכס. אַלעמען האָט באַהערשט אַ שרעקלעכע נערוועזיטעט... מאָמענטאַל איז דאָס געטאָ בלאָקירט געוואָרן פון אַלע זײַטן מיט שטאַרקע מיליטער־אָפּטיילונגען, באַלד האָבן זיך באַוויזן אויף די גאַסן עס־עס־לײַט, זשאַנדאַרמען און אוקראַינער, וועלכע האָבן זיך צעזייט איבער אַלע ווינקלען פון געטאָ. די פּאַרטיעס ייִדן, וואָס זענען שוין געשטאַנען גרייט אָפּצומאַרשירן צו דער אַרבעט, זענען גלײַך פאַרהאַלטן און אָפּגעפירט געוואָרן אויפן אומשלאַגפּלאַץ. אויף די גאַסן זענען געכאַפּט געוואָרן אַלע מענטשן, וועלכע האָבן נישט באַוויזן זיך רעכטצײַטיק אויסצובאַהאַלטן. די דײַטשן האָבן געעפנט אַ שיסערײַ אויף יעדן וואָס האָט אַרויסגערופן אַ מינדסטן חשד, אַז ער וויל אַנטלויפן”...

„די מהומה, — שרײַבט ווײַטער ט. באָזשיקאָווסקי, — האָט זיך פאַרגרעסערט פון מינוט צו מינוט. דער גרויזאַמער טאָג, וואָס די שרעק פון זײַן אָנקום האָט לאַנגע חדשים געמאַטערט יעדן איינציקן, איז געוואָרן אַ פאַקט. די אויסראָטונג־אַקציע ווערט פון מינוט צו מינוט שרעקלעכער. עס ווערן שוין נישט געשוינט קיין אַלטע לײַט, קיין פרויען און קינדער. אַלע ווערן געשלײַדערט מיט דער גרעסטער אכזריות, באַגלייט מיט קלעפּ און באַליידיקונגען... — — אַלע ווערן געשלײַדערט אין די וואַגאָנען און געפירט צום טויט... — — — דאָס געהילך פון ביקסן און מאַשין־געווער האָט פאַרטויבט די קולות פון די וואָס רײַסן זיך צום לעבן און ווערן געשלעפּט צום טויט. דער פּײַנלעכער געיאָמער פון קליינע קינדער האָט זיך אויסגעמישט מיט די קרעכצן פון קראַנקע. דער גאַנצער וועג, דורך וועלכן עס זענען געפירט געוואָרן די פּאַרטיעס צום „אומשלאַג”, איז געוואָרן באַזייט מיט טויטע און מיט מענטשן וואָס האָבן זיך געראַנגלט אין די לעצטע גסיסה־קראַמפן” (ט. באָזשיקאָווסקי — „צווישן פאַלנדיקע ווענט”, זז' 16-17).

בײַ ב. מאַרק ווערט אַזוי געשילדערט דער באַוואָפנטער צוזאַמענשטויס פון די קעמפערס מיט די דײַטשע מערדערס: „...די ייִדישע נקמה־נעמערס האָבן לכתחילה געמיינט אונטערצונעמען אַן אָפּענע גאַסנשלאַכט. זיי האָבן זיך צונויפגעמישט מיט דער מאַסע, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן צום גירוש, אויף מילע און זאַמענהאָף. צווישן דער מאַסע איז אויך געווען מרדכי אַניעלעוויטש. ווען די עטלעכע־הונדערט־קעפּיקע מאַסע האָט זיך געפונען אויפן צונויפקום פון די גאַסן זאַמענהאָף־מילע־ניזקע, איז געפאַלן אַ סיגנאַל, און פון פאַרשידענע זײַטן האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף די דײַטשן אַ רעגן קוילן. בײַ די דײַטשן ברעכט אויס אַ מהומה. די ייִדן צעלויפן זיך. דערבײַ ווײַזן די ייִדישע קעמפערס אַרויס אַ געוואַלדיקע גבורה” (ב. מאַרק — חורבות דערציילן”, זז' 143-144).

וועגן דעם צוזאַמענשטויס דערציילט אויספירלעכער ט. באָזשיקאָווסקי אין זײַנער אַ באַשרײַבונג „די ערשטע”: „...די שומרים האָבן באַוואָרפן מיט גראַנאַטן די דײַטשן, וואָס האָבן געפירט די פּאַרטיע, און די ס”ס־לײַט פון אויסזידלונגס־שטאַב... בײַ די דײַטשן איז אַנטשטאַנען אַ גרויסע בהלה. פיל ס”ס־לײַט זענען געפאַלן טויט. די אַנדערע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, און די גאַנצע פּאַרטיע ייִדן איז זיך צעלאָפן, די קעמפערס (מיט מרדכי אַניעלעוויטש אין שפּיץ) האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין אַ קליין הײַזל אויף ניזקע און באַשאָסן די שפּעטער־אָנקומענדיקע דײַטשע פאַרשטאַרקונגען... נישט קאָנענדיק זיך אַרײַנקריגן אין הײַזל ,האָבן די דײַטשן אונטערגעצונדן דאָס הײַזל. אַלע חברים פון דער גרופּע האָבן אויסגעשאָסן ביז דער לעצטער קויל און זענען אומגעקומען. ספּעציעל איז כדאי צו דערמאָנען דעם קעמפער אליהו רוזשאַנסקי (עלעק). בעת ער איז שוין געלעגן כמעט אַ טויטער און נאָך מיט די לעצטע כוחות זיך געווענדט צו אַ צווייטן חבר, ער זאָל בײַ אים צונעמען דאָס געווער, כדי עס זאָל נישט אַרײַנפאַלן צו די דײַטשן. פון דער גאַנצער גרופּע האָט בלויז מרדכי אַניעלעוויטש באַוויזן אַרויסצולויפן און געוואָרפן זיך מיט די פויסטן אויף אַ דײַטש. ער האָט בײַם דײַטש אַרויסגעריסן די ביקס און נאָך באַוויזן צו אַנטלויפן מיט דער ביקס” (ט. באָזשיקאָווסקי — אויך אין זײַן „צווישן פאַלנדיקע ווענט”, זז' 18-19).

אין דעם דאָקומענט, געשריבן אין וואַרשע מאַרץ 1944, וועלכער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך אונטערערדישע פאַרבינדונגס־וועגן דעם 24טן מײַ 1944 קיין לאָנדאָן, איז דער דאָזיקער צוזאַמענשטויס איבערגעגעבן אַזוי: „... אין צענטראַלן געטאָ האָט אַ טייל פון די קאַמף־אָפּטיילונגען ,אונטער דער אָנפירונג פון זייער קאָמענדאַנט מרדכי אַניעלעוויטש, מיט אַ כיוון זיך געלאָזט כאַפּן צווישן עטלעכע הונדערט אַנדערע ייִדן. ווען מ'האָט זיי דערפירט ביזן ווינקל פון די גאַסן זאַמענהאָף און ניזקע, האָבן די קאַמף־אָפּטיילונגען — לויט אַ געגעבענעם צייכן — געעפנט אַ שיסערײַ אויף די דײַטשן. די צום טויט־געפירטע ייִדן זענען זיך פונאַנדערגעלאָפן און אויך די דײַטשן האָבן זיך געלאָזט לויפן, באַהערשט דורך אַ פּאַניק. אָבער זייער שנעל, באַלד נאָכן גובר זײַן די שרעק, זענען די דײַטשן צוריקגעקומען מיט פאַרשטאַרקונגען”... און ווײַטער: „... ווען בײַ מרדכי אַניעלעוויטש זענען אויסגעגאַנגען די קוילן, האָט ער זיך מיט הוילע הענט געוואָרפן אויף אַ זשאַנדאַרם אַרויסגעריסן בײַ אים די ביקס און אָנגעהויבן דעם קאַמף פון דאָס נײַ. נאָך אַ שעה פון העלדישן געראַנגל איז אומגעקומען די גאַנצע גרופּע מיטן אויסנאַם פון קאָמענדאַנט, וואָס

איז על פּי נס געראַטעוועט געוואָרן" (פאַרעפנטלעכט בײַ מ. נײַשטאַדט, זז' 150-149).

„דער 18טער יאַנואַר (1943) איז געווען אַן איבערראַשונג נישט בלויז פאַר די דײַטשן, נאָר אויך פאַר די ייִדן גופא... פיל ייִדן, וועלכע האָבן מיטגעמאַכט די יאַנואַר־טעג אין אַנדערע גאַסן פון געטאָ, האָבן לכתחילה נישט געגלויבט, אַז אויף זאַמענהאָף און מילע האָבן ייִדישע בחורים און מיידלעך אָנגעגריפן די דײַטשן. די ווײַטערדיקע טעטיקייט פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, נאָך דער אַקציע פון 18טן יאַנואַר, האָט אַלעמען איבערצייגט אַז דאָס איז געוואָרן מעגלעך" (ט. באָזשיקאָווסקי, ז' 25).

„וויפל ייִדן זענען געפאַלן אין קאַמף, איז שווער פעסטצושטעלן. לויט מ. עדעלמאַן איז אין דער יאַנואַר־אַקציע אומגעקומען פיר־פינפטל פון דער מיטגלידערשאַפט פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ווי עס זאָל נישט זײַן, האָט דער באַראָן פאָן אָופען פאָן מאַלמערי, וואָס איז ספּעציעל פון טרעבלינקע אַראָפּגעבראַכט געוואָרן אויף אַ „גאַסטראָל" קיין וואַרשע צו ליקווידירן די געטאָ, געמוזט איבעררײַסן די אַקציע, — אַזוי אומגעריכט איז פאַר די דײַטשן געווען דער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד פון די געטאָ־אסורים! נאָך דרײַ טעג ווילדעווען איז דער שונא אָפּגעטראָטן... דער רושם פון ערשטן באַוואָפנטן אַרויסטריט פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ מעכטיקער" (ב. מאַרק — ז' 148).

אויך אינעם זאַמלבוך „אין די יאָרן פון ייִדישן חורבן" (די שטים פון אונטערערדישן בונד), ניו־יאָרק, 1948, ווערט באַצייכנט דער ערשטער באַוואָפנטער ווידערשטאַנד אין געטאָ, ווי „די ערשטע פײַער־פּראָבע", וואָס „די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע מאַכט אַדורך אין איר ערשטן גרעסערן גאַסנקאַמף". „מיר פאַרלירן דאָרט די בעסטע פון אונדזער אָרגאַניזאַציע. בלויז דורך אַ נס און אַ דאַנק זײַן העלדישער האַנדלונג האָט זיך געראַטעוועט דער קאָמענדאַנט פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע מרדכי אַניעלעוויטש" (ז' 191).

און נאָך אָט דער „פײַער־פּראָבע" קומט דער לעצטער, גרויסער קאַמף פון די אויפשטענדלערס אין דער וואַרשעווער געטאָ.

7.

„אין דער נאַכט פון 18טן אַפּריל 1943 האָט זיך אָנגעהויבן דער לעצטער אַקט אין דער טראַגעדיע פון וואַרשעווער געטאָ", — אַזוי ווערט דערציילט אין דעם אָפיציעלן דאָקומענט, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין וואַרשע, מאַרץ 1944, וועגן דער אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע און וועגן דעם אויפשטאַנד אין דער געטאָ. — „דאָס האָט געזאָלט זײַן אַ געבורטסטאָג־מתנה דעם „פירער". די ייִדישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע איז אַרויס אין קאַמף צו דער לעצטער שלאַכט. צוויי אַ זייגער בײַ נאַכט האָבן די דײַטשן אויסגעשטעלט אַרום די געטאָ־מויערן געדיכטע, דײַטש־אוקראַיִניש־לעטישע פּאַטרולן, יעדע 25 מעטער אַ פּאָסטן. אײַנציקווײַז, זאַלבעצווייט, זאַלבעדריט, האָבן די דײַטשן אָנגעהויבן אַרײַנגיין אין די געביטן פון נישט־באַוווינטן געטאָ, וועלנדיק איבערראַשן אַזוי אַרום די קעמפּערס און די באַפעלקערונג..."

„דעם 18טן אַפּריל, צוויי אַ זייגער בײַ נאַכט, איז געקומען אַ לויפער און אונדז מיטגעטיילט, אַז מאָרגן פרי וועלן אַרײַן די דײַטשן כדי אויסצופירן די ענדגילטיקע ליקווידאַציע (פון דער געטאָ). פון דער דאָזיקער נײַעס האָבן מיר אַלע אויפגעציטערט. מיר זענען גלײַך דורכגעגאַנגען די גאַסן פון געטאָ און אַרויסגעגעבן די פאַראָרדענונג: אַלע אַלטע און קינדער — אין די באַהעלטענישן, די גאַנצע יוגנט — צום קאַמף!" (צביה לובעטקין — די „לערע פון וואַרשעווער אויפשטאַנד". — לאַנדסבערג, 1947, ז' 24).

„די שעה האָט געשלאָגן", — אַזוי הייסט דאָס קאַפּיטל בײַ טוביה באָזשיקאָווסקי אין זײַן בוך „צווישן פאַלנדיקע ווענט", וווּ ער שילדערט דעם אויפשטאַנד אין וואַרשע. „מאָנטיק, ערב פּסח, דעם 19טן אַפּריל 1943 אין דעם שיינעם פרילינגטאָג אין וועלכן אַ שפע פון זון און ליכט איז אַרײַנגעדרונגען אין יעדן ווינקל פון פאַרחושכטן געטאָ, האָט געשלאָגן די שעה פון דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ"...

איציק פעפער אין זײַן „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ" (וואַרשע, 1945), שרײַבט וועגן דעם אויפשטאַנד:

„מען שיסט אין דער געטאָ און סיענטפערט די געטאָ
אויף שנאה מיט שנאה, אויף פײַער מיט פײַער.
עס האָבן זיך ביקסן מיט ביקסן צערעדט דאָ.

זיי זענען געקומען ווי סטעפּישע האָרדעס,
מיט גיפט אין די אויגן, מיט טײַוולשע מאָרדעס,
ווי רויבערס, וואָס קומען נאָך פרעמדן פאַרמעגן
און זענען געפאַלן ווי קרויטקעפּ צעבראָקטע,
ווי שטשורעס פאַרסמטע, ווי האָזן פאַריאָגטע,
ווי פאַדלע, וואָס סמט אָפּ די לופט אויף די וועגן".

מיר האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו ברענגען אַלע פּרטים פון די אויסטערלישע העלדישע און גרויזאַמע קאַמפן און שטרײַטן, וואָס זענען אָנגעגאַנגען די אַלע טעג און נעכט פון דעם אויפשטאַנד צווישן די נישט־גלײַכע כוחות פון די קעמפנדיקע צדדים. פון איין זײַט — „אַן אָפּטייל ס"ס־וואָפן־פאַנצער־גרענאַדירן, ס"ס־קאַוואַלעריע, פּאָליציי־אָפּטיילן, זאָנדערדינסט־אָפּטייל, אוקראַיִנישע הילפסדינסט, זיכערהייט־פּאָליציי, קאַנאָנענמאַנשאַפט, פלאַמען־וואַרפערס, פאַנצער־וואָגנס, טאַנקען, אַרטילעריע־באַטעריעס, ספּעציעלע סאַפּערישע אָפּטיילן צו מינירונגען און אויפרײַסן"; פון דער אַנדערער זײַט — די אויסגעמאַטערטע, אויסגעמאָגערטע, אויסגעשעפּטע מיטגלידער פון דער ייִדישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, די אונטערערדישע אַרמיי, אַן אָפּגעשניטענע פון יעדן הינטערלאַנד — אין גאַנצן אַן איזאָלירטע, וואָס איז אָבער באַוואָפנט מיטן ווילן „צו קעמפן און... צו שטאַרבן פאַר דער ווערדע פון פאָלק און מענטש..." „לאָמיר שטאַרבן מיט כבוד" — איז געווען דער לעצטער זאָג אינעם אויפרוף וואָס איז אויסגעקלעפּט געוואָרן אין געטאָ אין דער לעצטער נאַכט, אין דער נאַכט פון ערב פּסח, ערב דעם אויפשטאַנד" (רחל אויערבאַך — „דער ייִדישער אויפשטאַנד, וואַרשע, 1943", וואַרשע, 1948). מיר שיקן אָפּ די לייענער צו די פאַרשידענע ביכער, וווּ ס'ווערט אויספירלעך איבערגעגעבן דער גאַנג פון די שלאַכטן אין די באַזונדערע פּונקטן און אויף די כלערליי „פּאָזיציעס" פונעם מוראדיקן געטאָפראָנט. צווישן אַנדערע — צום בוך פון ד"ר יוסף קערמיש — „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", 19טער אַפּריל — 16טער מײַ 1943 (איבערגעזעצט פון פּויליש: שלמה לאַסטיק, בוענאָס־איירעס 1948), וואָס איז געשריבן אויפן סמך פון אָפיציעלע מאַטעריאַלן און דאָקומענטן (אויך אויפן סמך פון די מיטטיילונגען פון דעם רוצח־גענעראַל סטראָאָפּ, ימח שמו ונמח זכרו!).

אָט איז דער עפּיזאָד וואָס איז געבראַכט אין פאַרשידענע

באַשרײַבונגען און וואָס ווערט דורך ד"ר י. קערמיש אַזוי איבערגעגעבן: „ווען די דײַטשן האָבן זיך צעלייגט אין אַ לאַגער בײַ דער קרייצונג פון די גאַסן מילאַ און זאַמענהאָף, האָבן די פאַרבאַריקאַדירטע אין פיר ראָגן יִדישע קאַמפּגרופּעס פון שומרים, פּפּ"ר־אָווצעס, דרור און בונד, געעפנט אַ קאָנצענטרירט פײַער, וואָס ווערט לויט גענעראַל סטראָאָפּ כאַראַקטעריזירט אַלס „שטאַרק און גוטצוגעגרייט", און איז באַשטאַנען פון אַן עקספּלאָזיע פון גראַנאַטן פון אייגענער אויסאַרבעטונג, און אַ סעריע פון אויטאָמאַטישן רעוואָלווער און ביקסן. נאָך די ערשטע שאָסן פון אויטאָמאַטישן רעוואָלווער און טרעפלעך־געוואָרפענע גראַנאַטן אין די געשלאָסענע רייען פון די ס"ס־לײַט, איז די גאַס פּוסט געוואָרן... ס'ווערן געבראַכט אין דער אַקציע טאַנקען... אָבער ווען דער ערשטער טאַנק איז פאַרברענט געוואָרן, צוזאַמען מיט דער מאַנשאַפט, פון אַן אויפרײַס פון אַ צינדפלאַש, האָבן די צוויי אַנדערע טאַנקען און פאַנצער־וואָגנס נישט געוואַגט זיך דערנענטערן צו די פּאָזיציעס פון דער יִדישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע" (ז' 49).

פאַרביסענע קאַמפן, שווערע אַטאַקעס, אַרטילערישע שיסערײַען, העפטיקע גראַנאַנגלענישן קומען פאָר אין פיל אַנדערע פּונקטן. „די יִדן האָבן זיך פאַרביסן פאַרטיידיקט, אָפּשטויסנדיק אין איבערמענטשלעכן געראַנגל דעם אָנגריף פון שונא". אין איינציקע ערטער האָבן יִדן אַריבערגעכאַפּט קוילן־וואַרפערס און אַנדער געווער (זז' 51־52). „דער ערשטער טאָג פון די קאַמפן האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַן אָנספּקדיקן נצחון פון דער יִדישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע" (ז' 52).

דערשטוינט און אויפגעבראַכט פון זייער מפּלה און פון די גרויסע פאַרלוסטן, האָבן די דײַטשע בעסטיעס אויפן צווייטן טאָג אָנגעווענדט אַן אַנדער מעטאָד — זיי האָבן אָנגעהויבן אונטערצינדן דאָס געטאָ. זיי האָבן פאַרברענט אַלע הײַזער וווּ זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד. איצט הייבט זיך אָן אַ נײַער גרויל־גיהנום פאַר די קעמפערס און פאַר די איבערגעבליבענע יִדן... „צוליב דער מוראדיקער שרפה זענען די יִדן געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן זייערע באַהעלטענישן. די גאַנצע מאַסן יִדן, וואָס די דײַטשן זענען נישט אימשטאַנד געווען צו געפינען, האָט אין דער נאַכט פון 21טן אויפן 22טן אַפּריל פאַרלאָזט די באַהעלטענישן אונטער די דעכער און אין די קעלערן און געפּרוּווט זיך ראַטעווען דורך אַנטלויפן פון פײַער. זייער פיל מענטשן, גאַנצע משפּחות, אַרומגעכאַפּטע דורך פלאַמען, זענען געשפּרונגען פון די פענצטער אויף די פריִער־אַראָפּגעוואָרפענע מאַטראַצן, אָדער ווייכע מעבלטיילן, אָדער האָבן זיך באַמיט אַראָפּלאָזן אין דער נידער מיט דער הילף פון צונויפגעבונדענע לײַלעכער אד"גל. אַלע זענען אויפן אָרט אומגעבראַכט געוואָרן" (ז' 60).

די ווילדקייט און די אכזריות פון די דײַטשע מערדערס בעת זייערע קאַמפן מיט די יִדישע אויפשטענדלערס איז נישט צום באַשרײַבן. די פאַרשידענע פּובליקירטע באַשרײַבונגען פון די עדי־ראיה, פון די בײַגעווענע, מאָלן אומגלויבלעכע שוידערלעכע בילדער. די קאַמפן זענען פאָרגעקומען אין נישט־געדאַכטע באַדינגונגען. „אין צווישן — ווערט דערציילט אין דעם דערמאָנטן אָפיציעלן דאָקומענט — גייען איבער די קעמפערס פון אַטאַקיר־טאַקטיק צו פאַרטיידיקונגס־טאַקטיק. זיי ווילן, ווי ווײַט עס וועט זיך לאָזן, ראַטעווען די מענטשן און די שוצערטער. עס קומט פאָר אַן איבערגרופּירונג פון די כוחות... די קעמפערס האָבן זיך באַפעסטיקט אין די הײַזער און אויף די בוידעמער — נישט צולאָזנדיק די דײַטשן צו די שוצערטער... וויפל מאָל די דײַטשן האָבן נישט געפּרוּווט אַרײַנרײַסן זיך אין געטאָ, האָבן זיי געמוזט אָפּטרעטן צוריק, ווערנדיק אַרויסגעשטויסן דורך די העלדישע פאַרטיידיקערס. די דײַטשן האָבן איבערגעלאָזט אויפן שלאַכטפעלד הונדערטער הרוגים... די געטאָ אָבער האָט געמוזט אײַנגענומען ווערן. זיי האָבן דאַן געבראַכט אַרטילעריע, אײַנגעשטעלט שווערע באַטעריעס אויפן קראַשינסקי־פּלאַץ, אויף די גאַסן שווינטאָיערסקע און באָניפראַטן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אמתע באַלאַגערונג פון דער געטאָ. די פײַער־וואַרפערס האָבן געזייט טויט צווישן דער באַפעלקערונג. איבער דער געטאָ זענען אַרומגעפלויגן אַעראָפּלאַנען און געוואָרפן אויפרײַס־ און צינדבאָמבעס. דער גאַנצער קוואַרטאַל, אונטערגעצונדן פון אַלע זײַטן, איז געשטאַנען אין פלאַמען; טויזנטער מענטשן זענען אַזוי אַרומגעקומען... די קאַמפּגרופּעס, וואָס די צעבושעוועטע פלאַמען האָבן זיי אַרויסגעטריבן פון זייערע פּאָזיציעס, האָבן געמוזט ענדערן די קאַמפּטאַקטיק. זיי האָבן אָרגאַניזירט אַ פּאַרטיזאַנער־קאַמף צווישן די חורבות, וווּ זיי האָבן געלויערט אויף דײַטשע אָפּטיילונגען. די קאַמפן זענען פאָרגעקומען אָן איבעררײַס בײַ טאָג און בײַ נאַכט. די דײַטשן האָבן געמוזט דעראָבערן יעדע גאַס באַזונדער, יעדעס הויז באַזונדער. די לאַגע איז אָבער געוואָרן וואָס ווײַטער אַלץ אומדערטרעגלעכער. קיין קרבנות צווישן די קעמפערס זענען כמעט נישט געווען. ס'איז אָבער נישט געווען קיין מקום מקלט פאַר די אויסגעמאַטערטע פונעם אומאויפהערלעכן קאַמף, וואָרעם דאָס גאַנצע געטאָ האָט געברענט. צוליב דער שרפה־היץ איז דער גאַסן־אַספאַלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פליסיקער סמאָלע־מאַסע. עס זענען פאַרברענט געוואָרן די שפּײַזרעזערוון. די מיט מי אויסגעגראָבענע ברונעמער זענען פאַרשאָטן געוואָרן דורך די ברוכשטיקער פון די אײַנפאַלנדיקע הײַזער, אָבער דאָס ערגסטע איז געווען וואָס עס האָבן זיך אויסגעשעפּט די אַמוניציע־רעזערוון. די קעמפערס האָבן זיך איצט געשאַרט דורך די גאַסן אין קליינע גרופּעס, אָנגעטאָן אין דײַטשע העלמען און מונדירן; די פיס זענען בײַ זיי געווען אײַנגעהילט אין שמאַטעס כדי צו פאַרטויבן דעם אָפּקלאַנג פון די טריט. זיי האָבן אַטאַקירט די דורכמאַרשירנדיקע דײַטשן, וואָס האָבן זיך באַוויזן וואָס אַ מאָל זעלטענער. אָנשטאָט דײַטשע זעלנערס, האָבן דאָך געקעמפט די פלאַמען, די אַעראָפּלאַנען און די אַרטילעריע, אויסגעשטעלט אויף יענער זײַט געטאָ־מויערן" (מ. ניישטאַדט, זז' 162־163).

„עס טראָגן זיך העלדן — זאָגט איציק פעפער אין זײַן „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ" — געוואַשן אין פלאַמען. איז ווער קאָן איצט שוין די וועגן פאַרצאַמען?"

דער דיכטער־מאַרטירער יצחק קאַצענעלסאָן, וועלכער איז דאַן געווען אין וואַרשע, האָט זײַן קלאָגליד „די ענד" (אין זײַן קינות־בוך „דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן יִדישן פאָלק") פאַרענדיקט אַזוי: „...דאָס געטאָ ברענט, עס ברענט אויף זײַנע מויערן און זײַנע לעצטע יִדן, ס'פײַער העשט און העשט. דער הימל איז געווען באַלויכטן, און אויב ס'איז דאָ דאָרט ווער, האָט צוגעקוקט זיך און געזען די ענד" (ז' 74).

8.

„אין דער דריטער וואָך פון אויפשטאַנד — דערציילט ט. באָזשיקאָווסקי — האָט זיך אָנגעהויבן די ערגסטע תקופה אין לעבן פון די קעמפערס. דאָס גאַנצע געטאָ איז שוין געווען איין גרויסע חורבה. ס'איז נישט געווען קיין איין גאַנצע מויער, הינטער וועלכער מ'זאָל זיך קאָנען דעקן בײַ אַ צוזאַמענשטויס מיטן שונא. די פאַרפולטע בונקערס מיט יִדן זענען איינציקווײַז אַנטדעקט געוואָרן דורך די דײַטשן, און אויך דער בונקער, דאָס איינציקע רעטונגס־

אָרט און קאַמפּסבאַזע — האָט פאַרלוירן זײַן ווערט. ס'איז שוין בוכשטעבלעך נישט געווען קיין איין טראָפּן וואַסער און קיין לעבנסמיטל. מ'האָט געפילט אַז די שטריק פאַרציט זיך אַלץ מער אַרום האַלדז („צווישן פאַלנדיקע ווענט", ז' 115).

„אויף מילאַ 18 (ווּ ס'איז געווען אַ טייל פון דער ייִדישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע מיט מרדכי אַניעלעוויטש בראש) האָט מען זיך גערעכנט אויף אַ גיכן אומקום. נאָך דעם ווי ס'איז נישט אַדורך קיין טאָג עס זאָל נישט פאַרגאַזט ווערן אַ געוויסע צאָל בונקערס און צווישן זיי — גוט־פאַרמאַסקירטע, האָט זיך אַלץ מער פאַרשטאַרקט די מיינונג בײַ אַלעמען אַז אַפילו אַזאַ גוטע פאַרמאַסקירונג ווי ס'האָט מילאַ 18 גיט אויך נישט קיין האָפענונג ניצול צו ווערן, און די אַנטדעקונג פון בונקער איז אומפאַרמײַדלעך. די איינציקע האָפענונג אונדזערע איז נאָך געווען אַז וואָרשײַנלעך וועלן די דײַטשן נישט אַנטדעקן אַלע פינף אַרײַנגענג אין בונקער, נאָר העכסטנס איינעם אָדער צוויי. דאָס וועט אונדז געבן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגיין דורך די אַנדערע עפענונגען און אין דרויסן אָנגרײַפן דעם שונא" (ז' 116).

אין דער גרויזאַמער לאַגע, בײַ די מוראדיקע באַדינגונגען, ווען די אויסזיכטן צו בלײַבן לעבן זענען געוואָרן אַלץ שוואַכערע און מ'האָט אַלץ געהערט נענטער די דײַטשע טריט, זענען דורך די מיטגלידער פון דער קאַמפּסגרופּע געמאַכט געוואָרן פאַרשידענע פּלענער נישט אומצוקומען, נאָר פאַרנעמען אַ קאַמף מיטן שונא. טוביה באָזשיקאָווסקי, פאַר זײַן לאָזן זיך צו געפינען ערגעץ ווּ אַ קאַנאַלעפענונג פון קאַנאַליזאַציע אַרויסצוראַטעווען די רעשטלעך פון די קעמפערס און ציוויל־באַפעלקערונג, שילדערט וואָס ס'האָט זיך געטאָן אינעם בונקער פרײַטיק, דעם 7טן מײַ: „די לאַגע אינעווייניק איז געוואָרן ערנסט און געשפּאַנט ביז גאָר..." מ'האָט געפילט ווי דער בונקער „ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן מאַסן־קבר... די קאַמפּסגרופּעס האָבן זיך אָוועקגעשטעלט בײַ אַלע פינף עפענונגען פון בונקער, אָנגעשטעלט דאָס געווער צום שיסן אין פאַל ווען די דײַטשן וועלן זיך נאָר באַווײַזן. די ציוויל־באַפעלקערונג איז געלעגן כמעט אָן אָטעם, מיט געשטיקטע געוויינען, און אויפגעציטערט בײַ יעדן אָפּהילך פון די דײַטשע טריט אין דרויסן. פרומע האָבן אין דער שטיל געשעפּטשעט תפילות, און עלטערע ייִדן האָבן געזאָגט ווידוי. די מאַמעס האָבן פאַרדעקט די קינדערשע קעפּלעך מיט גראָבע טיכער, בכדי צו פאַרשטיקן זייערע געוויינען (ז' 117).

און אָט וואָס טוביה באָזשיקאָווסקי גיט איבער וועגן די לעצטע שעהען פון די קעמפערס אינעם בונקער אויף מילאַ 18: „שבת, דעם 8טן מײַ האָבן די דײַטשן אַרומגערינגלט דעם בונקער פון אַלע זײַטן און פּלוצלינג האָבן זיי אויפגעבראָכן אַלע פינף אַרײַנגענג מיט אַ מאָל". בײַ דער ציוויל־באַפעלקערונג איז אויסגעבראָכן אַן אומבאַשרײַבלעכע פּאַניק... אָבער די קאַמפּסגרופּעס האָבן באַהערשט די סיטואַציע. בײַ יעדן אַרײַנגאַנג פון אינעווייניק זענען געשטאַנען באַוואָפנטע גרופּעס, וואָס האָבן מאָמענטאַל געעפנט אַ שיסערײַ אויף די דײַטשן. די פאַרטיידיקונג איז אָבער געווען אוממעגלעך, ווײַל עס איז נישט געווען קיין איין אַרויסגאַנג דורך וואַנען די קעמפערס זאָלן זיך קענען אַרויסציִען און עפענען אַ קאַמף אין מער גינסטיקע באַדינגונגען... די דײַטשן האָבן אָנגעהויבן אַרײַנצוּוואַרפן אין בונקער אַרײַן גאַזבאָמבעס. זיי האָבן אַרײַנגעלאָזן אַזאַ גרויסע דאָזע גאַז, אַז מאָמענטאַל האָט אַלעמען גענומען שטיקן אין האַלדז און פון די אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. די מענטשן זענען אין דער בונקער־פינצטערניש געלאָפן ווי משוגע און נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט און קיין רעטונג"... ז' 137).

„אין מינוטן פון דער גרעסטער אויסזיכטלאָזיקייט, — באָזשיקאָווסקי דערציילט — האָט אריה ווילנער גערופן די חברים צו באַגיין זעלבסטמאָרד. די מערהייט מיטגלידער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָבן זיך אַליין דערשאָסן מיטן אייגענעם געווער, אָדער אַראָפּגעשלונגען ציאַנקאַלי. לוטעק ראָטבלאַט האָט פריִער דערשאָסן זײַן מוטער, זײַן שוועסטער און שפּעטער זיך אַליין. בערל ברוידע, וועלכער האָט געהאַט אַ פאַרוווּנדעטע האַנט און נישט געקאָנט זיך אַליין אומברענגען, האָט געבעטן בײַ אַנדערע חברים, זיי זאָלן אים דערשיסן. רות האָט געשאָסן אין זיך 7 מאָל. אַ טייל חברים זענען אַוועקגעפאַלן אין אַ באַוווּסטלאָזן צושטאַנד און נישט געקאָנט באַגיין זעלבסטמאָרד. אויך דער גרעסטער טייל פון דער ציוויל־באַפעלגערונג איז אומגעקומען פון גאַז...." (ז' 137).

ווי עס גיט איבער ב. מאַרק, „האָבן מיכאַל ראָזענפעלד און שרה זשאַגעל אָפּאָנירט און זיך אַרויסגעזאָגט דערפאַר, מען זאָל נישט באַגיין זעלבסטמאָרד, נאָר קעמפן מיטן אַרײַנדרינגנדיקן שונא ביז לעצט. דאָס איז אָבער געווען נישט אין גאַנצן דורכפירבאַר, ווײַל די גאַזן האָבן אָנגעהויבן ווירקן. מרדכי אַניעלעוויטש איז אויך — וועדליק אַ ריי גביות־עדות — געווען קעגן זיך נעמען דאָס לעבן און פאַר קעמפן ביזן סוף. די חברים האָבן אָנגעהויבן באַשיסן די דײַטשן. אָבער דער גאַז האָט געווירקט אַלץ שטאַרקער. דעמאָלט האָט אַניעלעוויטש געגעבן די קעמפערס פרײַע הענט. לסוף איז דער אונטערערדישער חלל אויסגעפילט געוואָרן מיט די קלאַנגען פון צוויי געזאַנגען: פונעם „אינטערנאַציאָנאַל" און פון „התקוה". דאָס זענען געווען די לעצטע געזאַנגען פון די העלדן" („חורבות דערציילן", ז' 306).

רחל אויערבאַך פאַרענדיקט אַזוי די שילדערונג פונעם אומקום אינעם בונקער אויף מילאַ 18: „צוזאַמען מיט זײַן מיליטער איז אומגעקומען מרדכי אַניעלעוויטש — דער קאָמענדאַנט פון אויפשטאַנד. דער גורל האָט אַזוי געפירט, כדי אַרום דעם יונגן העלדנקאָפּ זאָל אויפשײַנען דאָס סאַמע העלסטע ליכט, דער אָרעאָל פון טויט" („דער ייִדישער אויפשטאַנד, וואַרשע 1943", ז' 64). אַ שליח פון דער הסתדרות האָט אין אַ טעלעגראַמע (פון אַ נייטראַלער מדינה, דעם 13טן מײַ 1943) מיטגעטיילט אייניקע נעמען פון די געפאַלענע אין די געטאָשלאַכטן, ווּ ער האָט אויסגעטיילט מרדכין, וואָס „איז געווען דער פאָטער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע".

„אַזוי — פירט אויס ב. מאַרק — זענען אומגעקומען די פירערס פונעם אויפשטאַנד. נישט געוואָלט איבערחזרן דעם טראַגישן גורל פון בר־גיורא און יוחנן מגוש חלב, נישט געלאָזט זיך נעמען לעבעדיקערהייט. נישט געוואָלט אַדורכמאַכן די שאַנד פון געפאַנגעניש און אומשלאַגפלאַץ. אַזוי זענען געפאַלן די מיטגלידער פון שטאַב אין איינעם מיט די טרײַע קאַמפּס־חברים. פאַר אַ מוסטער זיך גענומען דאָס ביבלישע געשטאַלט פון מלך שאול, וואָס האָט זיך מיט דער אייגענער שווערד געטויט, אַבי אין די הענט פון פּלישתּישע טמאים אַ לעבעדיקער נישט אַרײַנפאַלן" (ז' 307).

דער יונג־פאַרשניטענער קעמפער־מאַרטירער מרדכי אַניעלעוויטש, זײַן נאָמען און זײַנע העלדישע מעשים, זענען אַרײַן אינעם „פּאַנטעאָן" פון די ייִדישע גבורים און קעמפערס.

אין ישראל איז, ווי באַקאַנט, מיט עטלעכע יאָר צוריק אויפגעבויט געוואָרן אַ קיבוץ אין זײַן אָנדענק, מיטן נאָמען „יד מרדכי", ווּ ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מעכטיקער אַניעלעוויטש־דענקמאָל, — די אַרבעט פון דעם סקולפּטאָר מ. ראַפּאָפּאָרט, דער זעלבער וואָס האָט געשאַפן דעם דענקמאָל פון די קעמפערס און מאַרטירערס פון וואַרשעווער געטאָ.

●

יוסף סאַנדלער (וואַרשע)

וואַרשעווער ייִדישע קינסטלערס אונטער דער היטלעריסטישער אָקופאַציע

איינער פון די ערשטע מאַסנמאָרדן וואָס די היטלעריסטן זענען באַגאַנגען נאָכן אָקופירן וואַרשע איז געווען דאָס דערשיסן 107 פוילישע בירגערס אין וואַווער, הינטער וואַרשע. דאָס האָט געזאָלט זײַן די שטראָף פאַרן כלומרשטן דערשיסן אין אַ דאָרטיקן רעסטאָראַן צוויי דײַטשע זשאַנדאַרמען. די 107 קרבנות האָט מען אַרויסגעשלעפט פון אַ צוג און זיי דערמאָרדעט הינטער דעם וואַווערער באַנהויף. צווישן די דערשאָסענע — פאָליאַקן און ייִדן — האָט זיך אויך געפונען דער באַגאַבטער מאָלער אלי ניסענבוים, אַן אַבסאָלווענט פון דער וואַרשעווער „אַקאַדעמיע פון שיינער קונסט". נאָכן באַפרײַען פוילן איז אַרומגעצוימט געוואָרן דאָס אָרט ווו די קרבנות זענען באַגראָבן געוואָרן און מ'האָט דאָרט אַוועקגעשטעלט אָנדענק־טאָוולען מיט די נעמען פון די דערמאָרדעטע.

שוין פון אָנהייב אָן האָט אין וואַרשעווער געטאָ פונקציאָנירט אַ שול פאַר טעכנישע צייכענונגען, ווו ס'האָבן געלערנט די קומעדיקע אינזשיניערן און אַרכיטעקטן. ס'איז אויך דאָרט געווען אַן אָפטייל פאַר קינסטלערישע צייכענונגען, אָנגעפירט פון דוויד גרײַפענבערג. דאָס טעכנישע צייכענען איז אָנגעפירט געוואָרן דורך די באַקאַנטע אַרכיטעקטן יעזשי בערלינער, אַלעקסאַנדער גאָלדבערג און נאָרבערט. די דאָזיקע לערערס זענען געווען באַוווסטזיניקע און מוטיקע מענטשן וואָס האָבן דערצויגן זייערע שילערס אין קאַמפסגײַסט קעגן די היטלעריסטן. די לערערס האָבן אָפט איבערגעגעבן די תלמידים דעם אינהאַלט פון די ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן, וואָס זיי האָבן אויפגעכאַפט דורך געהיימע ראַדיאָס. אייניקע פון די סטודענטן האָבן זיך שפעטער אַרויסגעקריגן פון געטאָ און געוואָרן פאַרטיזאַנערס אין לובלינער קרײַז, צוזאַמען מיט זייער לערער נאָרבערט. ווען אין 1942 האָט דער יודענראַט געוואָלט פאַרוואַנדלען די דאָזיקע סטודענטן אין „כאַפערס" פון ייִדישע אָרעמע־לײַט, כדי זיי אָפצושיקן אין די לאַגערן, האָבן די סטודענטן צוזאַמען מיט זייערע לערערס פאַרלאָזן די שול.

פון די פלאַסטיקערס וואָס האָבן זיך געפונען אין געטאָ האָט איין גרופע זיך אָרגאַניזירט אין אַ מין „שאָפ", אײַנגעאָרדנט אויף מילנע 9, ווו עס האָט זיך געפונען אַ שטיקל פרײַער פלאַץ מיט איינצלנע קליינע שטיבלעך. דאָרט האָבן זיך געפונען די וואַרשטאַטן פון די סקולפטאָרן אַברהם אָסטשעגאַ און זיגמונט מעסער, ווי אויך דער אַטעליע פון מאָלער וולאַדיסלאַוו ווײַנטראַוב. אָסטזשעגאַ, דער באַקאַנטער סקולפטאָר פון קינסטלערישע מצבות, האָט געהאַט פאַר זײַן שטיבל אַ סך פאַרשידענע שטיינער און מירמל־טאָוולען, וואָס ער האָט באַנוצט פאַר זײַנע ווערק. כדי צו פאַרבעסערן זייער געדריקטע לאַגע האָבן די קינסטלערס שוין אין אָנהייב פון דער היטלעריסטישער אָקופאַציע געשאַפן אַ מין קינסטלעריש גערטנדל. דאָרט האָט געוואַקסן גראָז און ס'האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע ביימער. אַזוי ווי אין געטאָ איז געווען גאַנץ ווייניק גרינס, האָט מען אין גערטנדל געגעבן קאָנצערטן און די הכנסה דערפון איז געגאַנגען פאַר די אַרבעטסלאָזע פלאַסטיקערס. די קאָנצערטן האָבן אָבער נישט לאַנג אָנגעהאַלטן און די צום מײַנסטן נויטבאַדערפטיקע קינסטלערס זענען געבליבן אָן שום הילף. ווען ס'האָבן אין וואַרשעווער געטאָ זיך אָנגעהויבן די אַקציעס און מ'האָט גענומען אַרויספירן די ייִדישע באַפעלקערונג צו די טויטלאַגערן, זענען די קינסטלערס ווײַנטראַוב און ראָזענטאַל געפאַלן אויפן געדאַנק צו שאַפן אַ „פראָדוציר־קאָאָפעראַטיוו" וואָס זאָל אויסהיטן די מיטגלידער פון דער „אויסזידלונג". אויף אַזאַ אופן האָבן העכער 20 פלאַסטיקערס אָנגעהויבן צו פראָדוצירן פון די אָנגעזאַמלטע שטיינער פאַר די אַטעליעס אַ צעמאָלענעם פולווער צו רייניקן מעטאַלן, ווי אויך שלייפשטיינער. נישט אַלע פלאַסטיקערס זענען אָבער געווען אַזוי פאַרבלענדט. געווען צווישן זיי אייניקע, ווי הערש צינאַ און שמחה טראַכטער (פון לובלין), וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט אַזאַ אומגעלומפערטער אונטערנעמונג, אָבער זיי האָבן זיך אונטערגעוואָרפן דער מערהייט. און כאָטש די „קאָאָפעראַטיוו" האָט צוגעשטעלט איר גאַנצע פראָדוקציע אַ דײַטשער פירמע, וואָס האָט דערפאַר אַרויסגעגעבן די פראָדוצענטן (די קינסטלערס) אונטערגעחתמעטע אַרבעטס־־אויסווײַזן", האָט עס זיי אָבער גאָר נישט געהאָלפן. מ'האָט זיי באַרויבט און באַשווינדלט פונקט ווי די אַנדערע ייִדן פון געטאָ. בײַ אַ ווײַטערדיקער „אויסזידלונגס־אַקציע" האָט מען צוגענומען די קינסטלערס פון זייערע אַרבעטספלעצער און אָנגעטוענע אין די אַרבעטס־פאַרטעכער האָט מען זיי געטריבן צו דער באַנסטאַציע, ווו ס'האָבן שוין אויף זיי געוואַרט גרייטע וואַגאָנען אָפצופירן זיי אין די טויטלאַגערן. מיט יענעם טראַנספאָרט זענען פאַרשלעפט געוואָרן צום אומקום וולאַדיסלאַוו ווײַנטראַוב, ראָמאַן ראָזענטאַל, הערש צינאַ, מאַקסימיליאַן עליאָוויטש, שמחה טראַכטער, טאַדעוש טרעמבאַטש (פון לאָדזש, אַ ברודערן־זון פון מאַוריצי טרעמבאַטש), סאַמועל פינקעלשטיין און נאָך אַן אָנדערטהאַלבן צענדליק אַנדערע. ראָמאַן קראַמטשיק איז דעם זעלבן טאָג בעת דער שיסערײַ שטערבלעך פאַרוווּנדעט געוואָרן. נאָך דעם ווי די „אַקציע" האָט זיך אײַנגעשטילט האָבן די אויסבאַהאַלטענע ייִדן פון אַ נאָענטן קעלער אַרײַנגענומען אין זייער שוצפלאַץ דעם פאַרבלוטיקטן קינסטלער, וועלכער איז אין עטלעכע טעג אַרום געשטאָרבן. אין דער זעלבער צײַט איז אויך אומגעקומען די גרויסע מאָלערין פון דער ייִדישער אָרעמקייט, רעגינאַ מונדליאַק.

מיר וועלן דאָ אָנגעבן אייניקע ביאָגראַפישע דאַטעס פון די מער באַקאַנטע קינסטלערס וואָס זענען געפאַלן אַ קרבן פון דער „אַקציע" אין וואַרשעווער געטאָ.

עליאָוויטש מאַקסימיליאַן, געבוירן אין 1890 אין פּלאָצק. יונג אָנגעקומען קיין וואַרשע, וווּ ער האָט אָנגעהויבן לערנען די מלאכה פון זייגער־מאַכערײַ און גלײַכצײַטיק זיך לײַדנשאַפטלעך אָפּגעגעבן דער מאָלערײַ. ווען דער באַרימטער פּוילישער מאָלער סטאַניסלאַוו לענץ האָט אַ מאָל געזען פּאָרטרעטן פון אַן אומבאַקאַנטן מאָלער, איז ער געבליבן דערשטוינט פון דער טאַלענט־רײַפקייט פון דאָזיקן שעפער. ווען ער האָט זיך באַקענט מיט עליאָוויטשן האָט ער אים צוגערעדט, ער זאָל שטודירן מאָלערײַ. לענץ האָט אַרײַנגענומען דעם ייִדישן קינסטלער אין דער וואַרשעווער אַקאַדעמיע וווּ ער איז געווען פּראָפעסאָר. מאַקסימיליאַן עליאָוויטש איז שפּעטער געוואָרן אַ גלענצנדיקער פּאָרטרעטיסט און זשאַנער־מאָלער. אַ געוויסע צײַט האָט ער אויך פאַרנומען אַן אַמט אין דער „ייִדישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט”, וווּ ער האָט געהאַט די מיסיע אָפּצוהיטן די קונסט־ווערק.

ראָזענטאַל ראָמאַן, געבוירן אין לאָדזש אין 1897. ער האָט געהאַט הויכע בילדונג און חוץ מאָלערײַ האָט ער אויך זיך באַשעפטיקט מיט מוזיק, זײַענדיק אַ גלענצנדיקער פּיאַניסט. די אַרומיקע וועלט האָט ער געזען דורך דער פּריזמע פון שיינקייט. ער האָט געמאָלן בילדער אין גאַנץ וואַרעמע קאָלירן און פול מיט אָפּטימיזם. ראָזענטאַל איז לאַנגע יאָרן געווען סעקרעטאַר אין פאַראיין פון די ייִדישע קינסטלערס־פּלאַסטיקערס. ער איז אויך געווען דער איינציקער מאָלער וועמען מען האָט אין געטאָ אײַנגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג.

בלאַופוקס אהרון, געבוירן אין וואַרשע און רײַף געוודרן ווי אַ קינסטלער בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער האָט געאַרבעט בײַם באַרימטן סקולפּטאָר הענעך גליצענשטיין, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין פּוילן. בלאַופוקס האָט זיך אין אָנהייב אינטערעסירט מיט דער מאָזאַיִק־ און אַראַבעסקן־קונסט און דערנאָך ערשט זיך איבערגעוואָרפן צו מאָלערײַ.

ווײַנטראַוב וולאַדיסלאַוו, געבוירן אין 1891 אין לויוויטש. ער האָט שטודירט אין דער וואַרשעווער „העכערער שול פאַר שיינער קונסט” און דערנאָך אין פּאַריז. ער איז געווען נאָך משה אַפּעלבוימען דער בעסטער טעאַטער־דעקאָראַטאָר פון דער ייִדישער בינע. צווישן אַנדערע האָט ער געשאַפן די דעקאָראַציע צו פּרצעס „בײַ נאַכט אויפן אַלטן מאַרק”, ווי אויך פאַר דער פּיעסע „אוריאל אַקאָסטאַ”. אין פּאַריז האָט ער אַ סך אָפּגעלערנט אויפן געביט פון דעקאָראַציע־מאָלערײַ בײַם באַרימטן רוסיש־ייִדישן מאָלער לעאָן באַקסט.

צינאַ הערש האָט אין וואַרשע געהערט צו די יונגע מאָלערס. ער האָט געשטאַמט פון אַן אַרבעטער־משפּחה און זיך שווער דורכגעשלאָגן אַ וועג אין לעבן. בלויז אין די פרײַע מינוטן פון דער אַרבעט האָט ער זיך געקענט פאַרנעמען מיט קונסט. מ'קען אים באַטראַכטן ווי אַ תלמיד פון פעליקס פרידמאַנען, בײַ וועמען ס'האָט אים אָפּט געטראָפן דער מחבר פון די שורות. פרידמאַן האָט נישט איין מאָל דערלויבט צינאַן זיך צו באַנוצן מיט זײַנע מאָדעלן. אין 1936 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די „ליטעראַרישע בלעטער” אַ רעפּראָדוקציע פון פּאָרטרעט פון ל. כהני, געמאַכט פון צינאַן. אויף דער יובילײ־אויסשטעלונג פון 1938—1939 האָט מען געזען אַ צאָל אַרבעטן פון צינאַן אויף מאָטיוון פון וואַרשעווער אַרבעטער־לעבן. אין זומער 1939 האָט דער קינסטלער געמאָלן אין קאַזשימיעזש דאָלני און אויף דער דאָרטיקער אויסשטעלונג האָט ער פּרעזענטירט עטלעכע זײַנע בילדער.

ראַבינאָוויטש הענריק. סוף 1930 איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג צווישן די עקסטרעם־רעאַקציאָנערע וואַרשעווער קינסטלערס און די מער ליבעראַלע בירגערלעכע פּלאַסטיקערס. „זאַכענטאַ” איז דאַן געוואָרן איינע פון די רעאַקציאָנערסטע פּוילישע אינסטיטוציעס וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיט קונסט. אינספּירירט פון דער סאַנאַציע־רעגירונג זענען אין דער פאַרוואַלטונג פון דער „זאַכענטאַ” אַרײַן בלויז „ענדעקעס” און אַנטיסעמיטן. גלײַכצײַטיק דערמיט האָט אין „זאַכענטאַ” אָנגעהויבן צו דאָמינירן אַ מין ערזאַצקונסט. אויס פּראָטעסט האָבן די ליבעראַלע וואַרשעווער קינסטלערס אויסגעשטעלט זייערע שאַפונגען אין דעם היסטאָרישן הויז באַריטשקוּוו, אין אַלטשטאָט. די אויסשטעלונג איז דאַן געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „נאָוועמבער־סאַלאָן פון 1930”. ס'זענען דאָרט געוויזן געוואָרן די אַרבעטן פון די פּראָגרעסיווסטע מאָלערס פון גאַנץ פּוילן. ס'האָבן זיך באַטייליקט די בעסטע פּוילישע קינסטלערס, ווי פעליציאַן קאָוואַרסקי, אַפּאָלאָנאַרי קענדזשיערסקי, סטאַניסלאַוו קאַמאַצקי, יוזעף מײַהאָפער, הענריק קונאַ, ראָמאַן קראַמשטיק.[1] מ'האָט אויך צוגעלאָזט צו דער אויסשטעלונג אַ ריי יונגע טאַלאַנטירטע קינסטלערס, ווי מאַקסימיליאַן פּאָערינג, ק. טאָמאָראָוויטש (הײַנט פּראָפעסאָר אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע), האַננאַ רודזקאַ ציבים (הײַנט אַ באַרימטע פּוילישע מאָלערין), גיזעלאַ הופנאַגעל, הענריק ראַבינאָוויטש און אַנדערע.

וועגן הענריק ראַבינאָוויטש איז געשריבן געוואָרן אין דער צײַטשריפט „שיינע קונסט” (אַרטיקל פון מיעטשיסלאַוו סקודיק, „נאָוועמבער־סאַלאָן 1930”, „שיינע קונסט 1931”): „צווישן די עקספּאָנאַטן פון דער ריכטונג רופט אַרויס די גרעסטע פאַראינטערעסירונג מיט איר קרעפטיקער און ריינער קאָלאָריסטיק די „טויטע נאַטור” (שטיללעבן) פון הענריק ראַבינאָוויטש”.

הערש ראַבינאָוויטש האָט אויך אויף די שפּעטערדיקע אויסשטעלונגען באַקומען נישט קיין ווייניקער גינסטיקע אָפּשאַצונגען. זײַנע בילדער האָט כאַראַקטעריזירט נישט נאָר אַ קרעפטיקע קאָלאָריסטיק, נאָר אויך זײַן קינסטלערישע וויזיע האָט נישט אָפּגעטרעטן פון ווירקלעכן אמת. ראַבינאָוויטש האָט נישט אַרײַנגעפירט אין זײַנע בילדער אומלאָגישע דעפאָרמירונגען. ער איז געווען קינסטלעריש פילבאַר און אינטעלעקטועל און האָט געשאַפן אַ סך ווערטפולע פּאָרטרעטן און זשאַנערבילדער. ראַבינאָוויטש איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין פאַראיין פון ייִדישע קינסטלערס־פּלאַסטיקערס.

הערש ראַבינאָוויטש איז אָפּגעשיקט געוואָרן קיין טרעבלינקע צוזאַמען מיט דער גרופּע קינסטלערס פון מילנע 9.

שליוניאַק יוזעף, געבוירן אין 1899 אין קיִעוו. גאַנץ יונג איז ער אָנגעקומען קיין וואַרשע, וווּ ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט קונסט. שליוניאַק האָט מערסטן טייל געשאַפן באַרעליעפן אויף בלעך אויף ייִדישע, פאָלקלאָריסטישע טעמעס. ער איז געווען אַ ראָמאַנטיקער, כאָטש ער האָט די טעמעס אַרויסגעבראַכט גאַנץ רעאַליסטיש. אין גאַרלינסקיס גאַלעריע אין וואַרשע זענען אויסגעשטעלט געוואָרן זײַנע אַרבעטן און סײַ די פּוילישע, סײַ די ייִדישע פּרעסע האָט שטאַרק געלויבט זײַן סקולפּטאָרישן טאַלענט און זײַן קענטעניש צו באַהאַנדלען ייִדישע טעמעס. שליוניאַק איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ.

נאָך דער מלחמה האָט מען געפונען אין וואַרשע איינע פון זײַנע אַרבעטן: אַ באַרעליעף־קאָמפּאָזיציע אויף קופּערבלעך, וואָס שטעלט פאָר צוויי פרויען־געשטאַלטן. דער באַרעליעף איז אין עכט־קלאַסישן סטיל. ווײַזט אויס אַז די דאָזיקע אַרבעט האָט אויך גע־

האָט איר מאַרטירער־געשיכטע, ווײַל אויף אַ סך ערטער איז זי געלעכערט פון ביקסקוילן. גאַנץ מעגליך אַז דער באַרעליעף האָט געדינט ווי אַ שוץ פאַר אַ ייִדישן בונקער קעגן געסטאַפּאָישע קוילן.

פרידמאַן פעליקס איז געבוירן דעם 14טן מײַ 1897 אין וואַרשע. ער האָט שטודירט אין דער וואַרשעווער אַקאַדעמיע און דערנאָך עטלעכע יאָר אין פּאַריז. אומקערנדיקע זיך קיין וואַרשע האָט ער זיך באַזעצט אויף פּשעיאַזד, אין הויז פונעם „פאַרבאַנד פון ייִדישע לערערס". פון פענצטער פון זײַן וווינונג, וואָס איז געווען אַ דאַכשטיבל, האָט ער נייגעריק אָבסערווירט די גאַסנבילדלעך, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין ענדערן, און אַ סך פון זיי האָט ער אויפגעכאַפּט, אַרויסברענגענדיק פאַרשידענע טעמאַטן־קאָמפּאָזיציעס. פעליק פרידמאַן האָט געמאָלט פאָלקסטימלעך, פאַרשטענדלעך און האָט אָן פאַלשקייט געוויזן דאָס ספּעציפישע לעבן פון די אײַנוווינערס פון דער ייִדישער געגנט אין וואַרשע. פרידמאַן איז נישט בלויז געווען אַ סובטעלער קינסטלער, וואָס האָט אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען דעם גײַסט פון דער צײַט, נאָר ער האָט זיך אָפט אויך דערהויבן צום ניוואָ פון אַ סאַטירישן קריטיקער. אַ געוויסע צײַט איז ער געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער „ייִדישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט", אָבער ווען ער האָט זיך צוגעקוקט צום הינטערקוליסן־שפּיל פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט, האָט ער דערזען אַז זי טראַכט לחלוטין נישט וועגן געבן הילף דעם קינסטלער. און דאַן האָט ער איבערגעריסן מיט דער געזעלשאַפט. צוזאַמען מיט אייניקע ייִדישע פּלאַסטיקערס האָט פרידמאַן שפּעטער אָרגאַניזירט דעם „פאַרבאַנד פון ייִדישע פּלאַסטיקערס אין פּוילן". ס'איז דאַן געווען די צײַט ווען די פּוילישע בורזשואַזיע האָט אָנגעהויבן נאָכצומאַכן די דײַטשע פאַשיסטן און אויך באַזײַטיקט פון די אויסשטעלונגען די ייִדישע מאָלערס.

פעליקס פרידמאַן איז געווען אַ גאַנץ פעיִקער קינסטלער, סײַ אַלס פּאָרטרעטיסט, סײַ ווי אַ פּייזאַזשיסט. ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיטן ייִדישן טעאַטער און אָפט געמאָלן די ייִדישע אַקטיאָרן אין זייערע פאַרשידענע קרעאַציעס. פרידמאַן האָט אויך אַרויסגעגעבן אַן אַלבום קאַריקאַטור־צײַכענונגען פון ייִדישע שרײַבערס און אַקטיאָרן. ער איז אויך געווען אַן ענערגישער פּראָפּאַגאַנדיסט פון קונסט צווישן ייִדן און האָט אַ סך אַרטיקלען געשריבן וועגן קונסט און קינסטלערס. איינע פון פרידמאַנס גרעסטע דערגרייכונגען אויפן געזעלשאַפטלעכן געביט איז געווען דאָס אײַנאָרדענען אַן אויסשטעלונג פון די ווערק פון ייִדישע קינסטלערס פון גאַנץ פּוילן. די דאָזיקע אויסשטעלונג (אויף דלוגאַ 26) האָט אויך דערמעגלעכט צו באַווײַזן זיך יונגע טאַלענטן. פון די דאָזיקע „יונגע", וואָס האָבן צום ערשטן מאָל אויסגעשטעלט זייערע אַרבעטן, האָבן זיך אויסגעצײַכנט די פעיִקע גראַפיקערס חיים טיבער, יצחק קשעטשאַנאָווסקי, מענדל רייף און די מאָלערין פרידאַ גאָלדפעדער (אַלע אומגעקומענע בעת דער אָקופּאַציע). דער דערפאָלג פון דער דאָזיקער אויסשטעלונג איז געווען אַ גרויסער, הן אין מאַטעריעלן זין פאַר די קינסטלערס, הן וואָס זי האָט זיי צוגעגעבן פּרעסטיזש.

פעליקס פרידמאַן איז אין זומער 1939 צום ערשטן מאָל געפאָרן קיין קאַזשימיעזש דאָלני. ער איז געווען גאַנץ פּאָפּולער אין די קינסטלערישע קרײַזן און זײַנע זאַכן האָט מען אָפט געקענט זען אויף די אַלגעמיינע אויסשטעלונגען. אויך דאָס וואַרשעווער „נאַציאָנאַלע מוזעום" פאַרמאָגט אייניקע בילדער פון זײַן פּענדזל.

ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מלחמה האָט פעליקס פרידמאַן זיך געפונען צוזאַמען מיט מיר אין קאַזשימיעזש דאָלני. איך האָב אים אָפּגערעדט פון זײַן פּלאַן זיך אומצוקערן קיין וואַרשע און מיר האָבן שוין געטראַכט צוזאַמען אָפּצופאָרן אויף מזרח. אָבער אין דער לעצטער מינוט האָט ער געענדערט דעם פּלאַן: „איר בלײַבט! — האָט ער צו מיר געזאָגט — איך האָב אין וואַרשע אַן אַלטע מאַמע און מײַן פליכט איז אומקערן זיך צו איר".

אין וואַרשעווער געטאָ האָט פרידמאַן אומגעהײַער געליטן. אַן עמפּינדלעכער און צאַרטער, האָט ער באַקומען אַ לונגען־קראַנקהייט ווי אַ פּועל־יוצא פון נישט־דערעסן. אין די קאָשמאַרע טעג פון די „געטאָ־אויסזידלונגען" איז פרידמאַן געלעגן אַ געפערלעך קראַנקער אין שפּיטאָל אויף טשיסטע־גאַס. ווען ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער אוממענטשלעכער באַפעל פון דער געסטאַפּאָ, אַז אויך קראַנקע און דער גאַנצער שפּיטאָל־פּערסאָנאַל זאָלן זיך צושטעלן אויפן „אומשלאַגפּלאַץ" (פון וואַנען מ'האָט אַלעמען געטריבן אין די וואַגאָנען און זיי אַוועקגעפירט אין די טויטלאַגערן), האָט די קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט אויפגעפּאַסט אויפן קינסטלער, אים געגעבן אַ שטאַרקע אײַנשפּריצונג וואָס האָט אים אײַנגעשלעפערט אויף שטענדיק.

פעליקס פרידמאַן איז געווען אַן אויסגעצייכנטער אָרגאַניזאַטאָר און אין זײַן געזעלשאַפטלעכער אַרבעט האָט זיך אַלע מאָל אימפּאָנירט דער אויפריכטיקער קינסטלער וועמען ס'איז שטאַרק אָנגעגאַנגען דער גורל פון פּשוטן מענטשן. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך מוט ווען מ'האָט געדאַרפט קעמפן פאַר אַלגעמיינע ענינים, אָדער ווען אַנדערע קינסטלערס האָבן זיך גענייטיקט אין זײַן חברשער הילף, כדי אויסצושטעלן זייערע אַרבעטן. ווען אין די לעצטע יאָרן פון סאַנאַציע־רעזשים האָט מען אין פּוילן וואָס אַ מאָל מער באַזײַטיקט פון די אויסשטעלונגען די ייִדישע פּלאַסטיקערס, האָט פרידמאַן שטאַרק געטאַדלט די דאָזיקע האַנדלונג אין אַן אַרטיקל וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין די „ליטעראַרישע בלעטער".

די פּוילישע קונסט האָט פאַרלוירן אין פרידמאַנען אַ גרויסן קינסטלער, אַ הייסן פּאַטריאָט און אַ פּראָגרעסיוון מענטשן.

אָסטזשעגאַ אברהם, געבוירן אין 1889 אין אָקיניעוו, ראַדזינער קרײַז, געהערט בײַ אונדז צו די ערשטע מאָדערניסטן אויפן געביט פון דער דענקמאָל־קונסט. ער איז געווען בײַ ייִדן איינער פון די דערפאָלגרייכסטע סקולפּטאָרן אין דער צווישנצײַט פון ביידע וועלט־מלחמות. ווי אַ מאָדערניסט האָט ער נישט גענומען פאַר אַ מוסטער די אַלטע ייִדישע מצבה־אָרנאַמעטיק. ווי אַ שטימונגס־מענטש האָט ער אָפט מאָל מער אַרויסגעבראַכט אין זײַנע ווערק דאָס מאָלערישע ווי דאָס סקולפּטאָרישע. ער האָט געהאַט אַ מין ליטעראַריש־עלעגישן צוגאַנג צו זײַן קונסט און ס'איז אים געלונגען אַזוי אַרום זיך צוצופּאַסן צום סענטימענטאַליזם פון זײַנע קליענטן. די וואָס האָבן בײַ אים באַשטעלט מצבות האָבן מײנסטנס געהערט צום מיטעלן שיכט פון דער ייִדישער אינטעליגענץ. דער געשמאַק פון זײַנע קליענטן, פּונקט ווי די מענטאַליטעט פון קינסטלער גופא, איז שטאַרק געווען באַאײַנפלוסט פון די מאָדערניסטישע פאָרמען וואָס האָבן דאַן באַהערשט די דענקמאָל־קונסט. די ייִדישע גרויסבורזשואַזיע פון וואַרשע האָט אויך אויפן בית־עולם זיך באַמיט צו „פאַרדײַטשן", וואָס דאָס האָט בײַ איר געהייסן זיך „אייראָפּעיִזירן".

צו די געלונגענסטע מצבות פון אברהם אָסטזשעגאַ געהערן, חוץ דעם אוהל פון פּרץ, דינעזאָנען און אַנסקין, אויך דער דענקמאָל פון ריטאַ גאָרעליאָוו, וואָס געפינט זיך אויפן זעלבן וואַרשעווער בית־עולם. אין גראָדנע האָט אָסטזשעגאַ געמאַכט די מצבה

פון פּאָעט לייב ניידוס. זײַנע מצבות געפינען זיך אויך אויף די בית־עלמינס פון לאָדזש, פּלאָצק און אַנדערע פּוילישע שטעט. ס׳איז אויך באַקאַנט זײַן סקולפּטור־קאָמפּאָזיציע וואָס שטעלט פאָר דעם רמב״ם.

אברהם אָסטזשעגאַ האָט אויסגעשטעלט זײַנע ווערק אין „זאַכענטאַ" און אין דער „יִדישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט" און איז אָפט געוואָרן פּרעמירט.

בעת דער אָקופּאַציע איז ער צוזאַמען מיט אַנדערע קינסטלערס אַרויסגעפירט געוואָרן פון וואַרשעווער געטאָ קיין טרעבלינקע.

אין וואַרשעווער געטאָ איז אויך אומגעקומען די מאָלערין און גראַפיקערין געלע סעקשטיין, געבוירן אין וואַרשע אין יאָר 1907. געלע איז געווען די טאָכטער פון אַן אָרעמען שוסטער און פון זײַן צווייט ווײַב. אַזוי ווי אין דער היים זענען געווען עטלעכע קינדער און ס׳האָט געהערשט גרויס אָרעמקייט, האָט געלע געמוזט גאַנץ יונג פאַרלאָזן די שטוב און זיך שטעלן אַרבעטן פאַר אַ דינסט. שוין קליינערהייט האָט עס זי שטאַרק געצויגן צו צייכענען. בײַ נאַכט, ווען אַלע שטוביקע זענען שוין געשלאָפן, האָט זיך געלע ערשט אַוועקגעזעצט צו איר באַליבטער אַרבעט. כדי צו האָבן מער צײַט אויף צייכענען, האָט געלע באַשלאָסן זיך אויסצולערנען אַ פאַך און זי האָט אָנגעהויבן צו באַזוכן שנײַדערײַ־קורסן.

ווען איר טאַלענט איז געוואָר געוואָרן דער קינסטלער הענריק קונאַ און ער האָט פאַר איר אויסגעפועלט אַ סטיפּענדיע, אַז זי זאָל קענען שטודירן אין דער קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע. ווען זי האָט פאַרענדיקט איר שטודיע פון מאָלערײַ און גראַפישער קונסט, האָט געלע זיך אומגעקערט פון קראָקע קיין וואַרשע. דאָ איז איר ווײַטער אויסגעקומען צו הונגערן, כאָטש זי האָט אויך געאַרבעט. איר לאַגע האָט זיך ערשט פאַרבעסערט ווען זי האָט חתונה געהאַט מיט ליכטענשטיינען, וואָס האָט געאַרבעט אין דער רעדאַקציע פון די „ליטעראַרישע בלעטער". זינט 1937 פלעגט געלע סעקשטיין אויסשטעלן אירע אַרבעטן אין דער „יִדישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן שיינע קונסט" און ווינטער 1939—1938 האָט זי זיך באַטייליקט אין דער יובל־אויסשטעלונג פונעם „פאַראיין פון יִדישע קינסטלערס־פּלאַסטיקערס".

צווישן די צען קאַסטנס, וואָס זענען אין 1946 אויסגעגראָבן געוואָרן פון אונטער די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ און ווו ס׳האָט זיך געפונען אַ טייל פון די געטאָ־פאַרצייכענונגען פון דעם אַזוי־גערופענעם „רינגעלבלום־אַרכיוו", איז אויך געווען איין קאַסטן מיט גראַפישע אַרבעטן און אַקוואַרעלן פון געלע סעקשטיין. די מערסטע פון זיי זענען געווען געמאָלטע קינדער־געשטאַלטן און אויך פּאָרטרעטן פון יִדישע שרײַבערס. אין סאַמע אויבנאָן פון קאַסטן האָט מען געפונען אַן אויטאָפּאָרטרעטישע צייכענונג פון דער קינסטלערין, וואָס זי האָט געמאַכט אין 1942 — ווײַזט אויס קורץ פאַר איר טראַגישן טויט. דערנעבן איז אויך געלעגן איר טרויעריקע צוואה, ווו זי באַשרײַבט — אין איר רוף צו די וואָס וועלן זי איבערלעבן — ווי שווער עס איז געווען איר לעבן, ווי זי האָט זיך שטענדיק געראַנגלט מיט איר גורל, כדי צו קענען זיך פאַרנעמען מיט איר באַליבטער קונסט. ווײַטער שרײַבט זי וועגן איר מוטערגליק און דער גלײַכצײַטיקער שרעק פאַרן לעבן פון איר טעכטערל, וואָס איז עפּעס מער ווי אַ יאָר אַלט און ווײַזט שוין אַרויס — לויט איר מיינונג — געוויסע קינסטלערישע נייגונגען. געלע איז זיך מודה אין איר אָנגעשריבענעם ווידוי, אַז איר גרעסטע זאָרג זענען דער גורל פון איר קינד און פון אירע קינסטלערישע אַרבעטן. זי וויל די דאָזיקע צוויי גרעסטע אוצרות אָפּראַטעווען. דאָס קינד האָט זי נישט געקענט פאַרהיטן פון טויט, אָבער די בילדער, וואָס זי האָט אויסבאַהאַלטן אין אַ קאַסטן און וואָס מ׳האָט עטלעכע יאָר שפּעטער געפונען באַגראָבן מיט אַנדערע קאַסטנס, זענען געוואָרן אָפּגעראַטעוועט. דער מחבר פון דער דאָזיקער אַרבעט האָט זיך פאָרגענומען צו ברענגען אין אָרדענונג די אָפּגעראַטעוועטע ירושה פון דער קינסטלערין, און כאָטש די בילדער זענען געווען דורכגענעצט און האָבן געקלעפּט איינס צום אַנדערן, איז אים דאָך געלונגען צו דערפירן זיי צו אַ נאָרמאַלן צושטאַנד.

אין וואַרשעווער געטאָ איז אויך אומגעקומען אַ קינסטלערין מיט אַ קריסטאָל־ריינער נשמה, אַ גרויסער טאַלאַנט, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן זיך געראַנגלט מיט דער נויט — רעגינע מונדליאַק.

זי איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1887. די אָרעמקייט האָט זי גאַנץ פרי פאַרטריבן פון דער היים, און אויפן דרײַצנטן צי פערצנטן יאָר פאַרלאָזט זי פּוילן צוזאַמען מיט איר מאַמען און פאָרט אָפּ קיין בערלין. דער גרויסער מײַסטער פון דער דײַטשער מאָלערײַ־קונסט, מאַקס ליבערמאַן, באַקענענדיק זיך מיט די אַרבעטן פון דעם יונגן מיידל, האָט זיך אונטערגענומען צו לאָזן שטודירן רעגינען אויף זײַן חשבון. נאָך 2—3 יאָר לערנען אין בערלין קערט זי זיך צוריק אום קיין פּוילן צוזאַמען מיט איר מוטער, וועלכע האָט זיך אגב די גאַנצע צײַט נישט געקענט אַרײַנפּאַסן אין די בערלינער לעבנס־באַדינגונגען. קורץ נאָך דעם ברעכט אויס די רעוואָלוציע פון 1905, וואָס ווערט בלוטיק אונטערדריקט. די צאַרישע רעגירונג רעכנט זיך אָפּ מיט די אַרבעטער, העצט אויף די פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן איינע קעגן דער אַנדערער און די שוואַרץ־מאַהניקעס אָרגאַניזירן פּאָגראָמען אויף יִדן. רעגינע פאָרט צוריק קיין בערלין צוזאַמען מיט איר מוטער און אַ יִנגערער שוועסטער. די 18יאָריגע רעגינע מונדליאַק איז שוין אַ רײַפע קינסטלערין און דער באַרימטער בערלינער קונסטסאַלאָן פון פּאַול קאַסירער אָרדנט איין אַן אויסשטעלונג פון אירע אַרבעטן. באַגײַסטערטע אָפּהאַנדלונגען וועגן דער יונגער קינסטלערין שרײַבן דאַן אַזעלכע גרויסע מאָלערס ווי הערמאַן שטרוק, משה אפרים ליליען א״אַ.

ס׳דויערט נישט לאַנג און רעגינע קערט זיך צוריק אום קיין פּוילן און ווידער הייבט זיך אָן בײַ איר אַ לעבן פון אַרבעט און נויט. מונדליאַק האָט אַן אייגנאַרטיקן סטיל, זי איז עקספּרעסיוו און רעאַליסטיש. זי נעמט זיך דורך און ווייטיקט איבערן גורל פון די מענטשן וואָס זי שטעלט פאָר. אָבער די טיפּן וואָס זי מאָלט זענען עפּעס אַזעלכע שטאָלצע, פול מיט ווערדע. די קינסטלערין מאָלט און צייכנט דאָס פאָלק, גוטע, פּשוטע מענטשן וואָס קענען זיך נישט, פּונקט ווי זי אַליין, קיין עצה געבן אין לעבן. אירע מאָדעלן זענען קינדער־יתומים וואָס, אָנשטאָט זיך לערנען, מוזן זיי אַרבעטן. זי שילדערט פאַרדאַגהעטע הענדלערקעס, בײַ וועלכע די גאַנצע סחורה באַטרעפט אָפט נישט מער ווי אַן אָנבײַסן וואָס עס עסט אַ נגיד. מונדליאַק האָט געמאָלט טרעגערס, אײַנגעבויגענע אונטער זייער לאַסט, וואָס זיי שלעפּן; יִדן וואָס זיצן איבער גמראות, ווײַל זיי האָבן נישט קיין אַנדער באַשעפטיקונג; פאַרדאַרטע אַלטע מיידן, וואָס האָבן נישט געקענט חתונה האָבן, אָדער ווײַבער וואָס בענטשן ליכט פרײַטיק צו נאַכט אין אַן אָרעם, ליימען שטיבל. זי האָט אויך געשילדערט ווי מען פײַערט שבת, וואָס ברענגט אַן אָפּרו און אויסלײַכטערונג נאָך אַ שווערער זעקסטאָגיקער אַרבעט פון דער גאַנצער וואָך. אין די בילדער פון רעגינע מונדליאַק פאַרנעמען אַ גרעסערן פּלאַץ די טרויעריקע טעמעס ווי די פריילעכע,

אפילו ווען זי שילדערט דאָס אַמאָליקע אַזוי גערופענע „בעל־הבתישע" יִדישע לעבן. 40 יאָר אָן איבעררײַס האָט געשאַפן די דאָזיקע ענערגישע יִדישע קינסטלערין, אָבער די יִדישע בורזשואַזיע האָט גאָרנישט געוואָלט וויסן פון דער דאָזיקער „קעטע קאָלוויץ" פון דער וואַרשעווער יִדישער געגנט.

בעת דער אָקופּאַציע איז די 50יעריקע מונדליאַק, שוין אַ קראַנקע און צעבראָכענע, פאַרטריבן געוואָרן, צוזאַמען מיט די אַנדערע יִדן, אין וואַרשעווער געטאָ. סײַ דער יודענראַט, סײַ דער דעמאָלטיקער אָנפירער פון דער קונסט־אָפּטיילונג, דער רענעגאַט אַלפרעד נאָסיג, האָבן זיך גאַנץ גלײַכגילטיק באַצויגן צו דער פאַרצווייפלטער לאַגע פון דער קינסטלערין. זי האָט נישט באַקומען די מינדסטע מאַטעריעלע הילף ביז דעם לעצטן טאָג פון איר זײַן אין געטאָ, ווען מ'האָט זי אַוועקגעפירט צום „אומשלאַגפּלאַץ". ד"ר רינגעלבלום, וואָס האָט זיך באַמיט אַרויסצורײַסן זי פון די נעגל פון טויט, שרײַבט וועגן דעם אין זײַנע זכרונות („נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ" ז' 307):

„שמערלינג, — *) אַ ריז מיט אַ שפּיציק בערדל און אַ בייז פּנים, האָט געוווּסט נאָר איינס: געלט. דער וואָס האָט זיך בײַ אים אויסגעקויפט, דעם האָט ער באַפרײַט. די יִדישע אינטעליגענץ האָט נישט געהאַט קיין געלט, האָט זי געמוזט גיין קיין טרעבלינקע. איך וועל נישט פאַרגעסן ווען ער האָט זיך אויף מיר געוואָרפן מיטן קאַנטשיק, ווען איך האָב געפּרוּווט זיך אײַנשטעלן פאַר דער פּיאַניסטקע האַלינאַ דיקשטיין, פאַר דער מאָלערין רעגינאַ מונדליאַק און דעם עקאָנאָמיסט ד"ר ליפּאָווסקי. דאָס איז געווען מײַן ערשטער און לעצטער צוזאַמענטרעף מיט שמערלינגן".

אַזוי איז אומגעקומען רעגינאַ מונדליאַק — איינע פון די נאָבלסטע יִדישע פרויען, אַ גרויסע הומאַניסטין און אַ קינסטלערין מיט אַ נישט־דורכשניטלעכן מאָלערישן טאַלאַנט.

בנימין ראָזענפעלד איז אין וואַרשעווער געטאָ געווען כמעט אַ לעגענדאַרישע געשטאַלט. ער איז געווען באַפרײַנדט מיטן קונסט־היסטאָריקער שמעון זײַטשיק, וועלכער האָט צוזאַמען מיט ראָזענפעלדן שטודירט אַרכיטעקטור. לויט דעם גבית־עדות פון דער פרוי פון שמעון זײַטשיק (געשטאָרבן שוין נאָך דער דײַטשער אָקופּאַציע) האָט ראָזענפעלד אין וואַרשעווער געטאָ אויסגעבויט ממש פאַנטאַסטישע בונקערס פאַר הונדערטער מענטשן. די בונקערס זאָלן האָבן געהאַט עלעקטריש ליכט, וואַסער־לייטונג און ווענטילאַציע. אין די באַדינגונגען פון געטאָ האָבן אַזעלכע אויסגעבויטע באַהעלטענישן באמת זיך געמוזט אויסווײַזן פאַנטאַסטיש! ראָזענפעלד גופא האָט געהאַט זײַן וווינונג אויף דער אַרישער זייט, ווו — לויט די זעלבע דערקלערונגען זאָל ער האָבן געהאַט אַ ראַדיאָאַפּאַראַט, וואָס האָט אויפגעכאַפּט ידיעות וועגן דער לאַגע אויף די קריגספראָנטן. ראָזענפעלד איז אַלע מאָל געווען שטאַרק אַקטיוו און האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן מוט. ער האָט געשמוגלט געווער פאַר די קאַמפסגרופּעס אין געטאָ און אויך באַוויזן אָפט צו ברענגען לעבנס־מיטלען פאַר די הונגעריקע יִדן, צווישן זיי פאַר דער משפחה זײַטשיק, וואָס האָט אַזוי אַרום באַוויזן אויפצוהאַלטן איר געמוטשעט לעבן: ראָזענפעלד, וואָס איז אַחוץ אַרכיטעקט אויך געווען מאָלער און סקולפּטאָר, איז וואָרשײַנלעך אומגעקומען אין וואַרשעווער אויפשטאַנד.

אַן אַנדער באַקאַנטער אַרכיטעקט, הענריק בלום, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געאַרבעט צוזאַמען מיט ראָמאַן סיגאַלין (פּונקט אַזאַ אויסגעצייכנטער אַרכיטעקט ווי בלום), איז בעת דער אָקופּאַציע געצוווּנגען געוואָרן צו מאַכן דעם פּראָיעקט פאַר דער געבײַדע אויף גאַרבוט 8, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך 300 אַרבעטער, אויסגעקליבענע צווישן דער וואַרשעווער יִדישער אינטעליגענץ. די געבײַדע, בײַ וועלכער ס'האָבן געאַרבעט אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, שרײַבערס א"אַ, שטייט ביזן הײַנטיקן טאָג, אָבער די וואָס האָבן זי אויפגעשטעלט, צוזאַמען מיטן אַרכיטעקט בלום, זענען אַלע אומגעקומען.

כוואַליעס פּליטים וואָס האָבן זיך געוואָלט אויסהיטן פאַר די היטלעריסטן נאָכן מלחמה־אויסבראָך, זענען געלאָפן אין צוויי ריכטונגען: קיין ביאַליסטאָק און קיין לעמבערג. די, וואָס זיי איז געלונגען אָנצוקומען אין די דאָזיקע שטעט, זענען אַרונטער אונטערן שוץ פון ראַטן־פאַרבאַנד. אַזוי זענען אַנטשטאַנען צוויי עמיגראַציע־צענטערס, ווו די פּוילישע קינסטלערס האָבן באַקומען אַ מעגלעכקייט אָנצוגיין מיט זייער שעפערישער אַרבעט און פירן אַ נאָרמאַל לעבן. אין יוני 1941, ווען די דײַטשן זענען איבערגעפאַלן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן נישט אַלע קינסטלערס באַוויזן צו ראַטעווען זיך פון ביאַליסטאָק און אַוועק ווײַטער אויף מזרח; אַ סך פון זיי זענען שפּורלאָז פאַרשוווּנדן.

מיר וועלן דאָ דערמאָנען אייניקע וואַרשעווער יִדישע פּלאַסטיקערס, וואָס האָבן זיך דאַן אויסבאַהאַלטן אין ביאַליסטאָק און מען ווייסט נישט מער פון זייער געביין.

אברהם גוטערמאַן, געבוירן אין נאָווי־דוואָר אין יאָר 1899. ער האָט געלעבט אין זײַן קליין שטעטל, זיך אָפּגעגעבן מיט צייכענען, אָבער ער האָט נישט געזען דערין קיין שום תכלית. ערשט אין 1917, ווען ס'איז אים געלונגען אַוועקצופאָרן קיין קראָקע, האָט ער באַוויזן דאָרט צו פאַראינטערעסירן מיט זײַן טאַלאַנט דעם יִדישן מאָלער אַרטור מאַרקעוויטש, וועלכער האָט אים פאָרגעשטעלט דעם דעמאָלטיקן רעקטאָר פון דער קראָקעווער אַקאַדעמיע, טעאָדאָר אַקסענטאָוויטש. דער פעיִקער בחור איז גלײַך אַרײַנגענומען געוואָרן אין דער קונסט־אַקאַדעמיע.

אברהם גוטערמאַן איז געווען אַ מיטגליד פון דער קפּ"פּ און האָט געהערט צו יענע מאָלערס, וואָס האָבן זיך באַמיט אַרויסצוברענגען אַ פּראָלעטאַרישע טעמאַטיק. דאָס איז אים אָבער נישט אַלע מאָל געלונגען, ווײַל ער איז אַרונטערגעפאַלן אונטערן אײַנפלוס פון עקספּרעסיאָניזם.

גוטערמאַן האָט זיך געדאַרפט ראַנגלען מיט דער נויט און דערצו איז ער אויסגעשטאַנען פאַרפאָלגונגען פון דער פּראָקוראַטור צוליב דעם וואָס זײַנע בילדער זענען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ רעוואָלוציאָנערן גײַסט. ער האָט ווי אַ קינסטלער רעאַגירט אויף די געשעענישן פון טעגלעכן לעבן, אויפן ווײַסן טעראָר, אויף די דעמאָנסטראַציעס אא"וו. זײַנע בילדער האָט גוטערמאַן אויסגעשטעלט אין וואַרשע אין „יִדישן ליטעראַטן־פאַראיין" (אין 1932 און 1936), אין לאָקאַל פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע (1929), אויך אין דער „זאַכענטאַ" און אין דער „יִדישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט", ווו ער איז געווען אַ מיטגליד.

אין 1939 איז אברהם גוטערמאַן געוואָרן עוואַקויִרט קיין ביאַליסטאָק, ווו ער איז פאַרבליבן ביז 1941. ווי מען רעכנט, איז גוטער־

---

*) שמערלינג האָט אָנגעפירט מיט דער „אויסזידלונגס־אַקציע" אין וואַרשעווער געטאָ.

מאַן אומגעקומען פון אַ היטלעריסטישער באָמבע בעת זײַן אַנטלויפן פון ביאַליסטאָק אין דער ריכטונג צו מזרח.

קזשעטשנאָווסקי יצחק, געבוירן אַרום 1910 אין אַ שטעטעלע בײַ קוטנע. גאַנץ יונג איז ער אָנגעקומען קיין וואַרשע, וווּ ער האָט זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן און געמוזט טון יעטוועדע אַרבעט כדי צו פאַרדינען זיך אויף ברויט. זײַן איינציקע טרייסט אין דעם שווערן לעבן איז געווען דאָס צייכענען אין די פרײַע מינוטן. ענדלעך האָט ער זיך דערשלאָגן צו דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע, וווּ ער האָט זיך גיך אַרויסגערוקט ווי איינער פון די פעיִקסטע גראַפיקערס אויפן געביט פון אַקוואַפאָרטן און אַקוואַטינטן. *) קזשעטשאַנאָווסקי האָט געמאָלט און גראַווירט אַ סך זאַכן אויף סאָציאַלע טעמעס. אין 1939 האָט ער באַוויזן בײַ צײַטנס אַפּצופאָרן קיין ביאַליסטאָק, אָבער ווען די היטלעריסטן זענען איבערגעפאַלן דעם ראַטן־פאַרבאַנד, איז אים שוין נישט געלונגען צו אַנטלויפן טיפער קיין רוסלאַנד. שוין בײַם אָנהייב פון דער אָקופּאַציע האָט די געסטאַפּאָ אים געכאַפּט און דערשאָסן הינטער ביאַליסטאָק.

פרידמאַן אברהם, געבוירן אין וואַרשע אין 1905, אויף נאָוואָליפּקע 62. שוין ווי אַ קליין ייִנגל האָט אברהם אַרויסגעוויזן גרויסע פעיִקייטן צו צייכענען און אַלע ווענט האָט ער אויסגעפילט מיט קרײַד־צייכענונגען פון פאַרשידענע פיגורן און חיות. ווען ס'האָט אים אויסגעפעלט קרײַד האָט ער די צייכענונגען אויסגעקריצט מיט זײַנע נעגל, וועלכע ער האָט דערפאַר זיך נישט געלאָזט אָפּשנײַדן. אין עלטער פון 15 יאָר האָט אים דער פאָטער אָפּגעגעבן אויף דער לער צו אַ שנײַדער. יעדע פרײַע מינוט פון דער אַרבעט האָט אברהם אָפּגעגעבן דעם צייכענען אָדער מאָלן. ער האָט אָנגעהויבן צו צייכענען פאָרטרעטן פון די שכנים, און אַ דאַנק זײַן גרויסן טאַלאַנט האָט מען אים אַרײַנגענומען אין דער וואַרשעווער שול פאַר שײַנער קונסט, כאָטש ער האָט נישט געהאַט די נייטיקע דערצו מאַטורע (צײַגעניש פון מיטל־בילדונג). ער האָט זיך בלויז פאַרפּליכטעט זיך צוצובילדן און ער האָט טאַקע ביז שפּעט בײַ נאַכט זיך געלערנט. דער פּראָפעסאָר, וואָס האָט אים געלערנט, האָט זיך אַזוי פאַראינטערעסירט מיט זײַן פעיִקן שילער, אַז ער האָט אים באַזוכט אין זײַן היים און געבעטן די עלטערן, זיי זאָלן אים נישט שטערן אין לערנען. סוף כל סוף האָבן די פּראָפעסאָרן אַרויסבאַקומען די דערלויבעניש פאַר אברהמען צו וווינען אין אַקאַדעמישן הויז.

אברהם פרידמאַן איז געווען אַ גלענצנדיקער קאָלאָריסט און האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט זײַן אַרויסברענגען די טעמאַטיק. אויף די קאָנקורסן פון דער אַקאַדעמיע האָבן פרידמאַנס בילדער מיינסטנס געוווּנען די ערשטע פּרעמיעס. נאָך אָנהייב די דרײַסיקער יאָרן האָבן פרידמאַנס שאַפונגען געהאַט גרויס דערפאָלג סײַ אויף די אַלגעמיינע אויסשטעלונגען, סײַ אויף די אויסשטעלונגען פון דער „ייִדישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט". פרידמאַן האָט ליב געהאַט די פּוילישע לאַנדשאַפט און האָט זי אָפט אַרויסגעבראַכט אין זײַנע ווערק. אייניקע פון זײַנע בילדער זענען פאַר דער מלחמה פאַרקויפט געוואָרן דורכן וואַרשעווער נאַציאָנאַלן מוזיי

אין דער פאָרעם איז פרידמאַן געשטאַנען נאָענט צום באַרימטן פּוילישן מאָלער וואַלישעווסקי און ער האָט אפילו אין אייניקע פון זײַנע אַרבעטן איבערגעשטיגן דעם מײַסטער. פרידמאַן איז דערמאָרדעט געוואָרן אין ביאַליסטאָק נאָך די ערשטע חדשים פון דער דײַטשער אָקופּאַציע.

דעם קינסטלערס פרוי, נינאַ האַלפּערן־פרידמאַן, איז אויך געווען אַ מאָלערן. כאָטש זי האָט נישט שלעכט געמאָלט, האָט זי זיך אָבער תמיד באַטראַכט ווי אַ שילערין פון איר מאַן. אָפט האָט מען זיי צוזאַמען געזען אַרויספאָרן מאָלן אויף דער פרײַ, און ס'האָט זיי אַפילו נישט אָפּגעשטעלט דאָס ערנסטע וועטער.

נינאַ איז נאָך געווען יונג, שיין און שלאַנק ווען זי האָט פאַרלוירן דעם מאַן. ס'איז פאַר איר געווען דער שווערסטער קלאַפּ. זי האָט זיך געפונען אין ביאַליסטאָקער געטאָ און האָט דאָרט געהערט צו דער אונטערערדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. זי האָט אַרויסגעוויזן אַ סך מוט און נישט איין מאָל אַריבערגעשמוגלט געווער אין געטאָ. ווי עס האָט איבערגעגעבן אַ באַגלויבטער עדות, האָט זי געהאַט אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען דאָס לעבן, אָבער זי האָט בעסער געוואָלט בלײַבן אין געטאָ, צו קעמפן קעגן אָקופּאַנט. זי איז געווען איינע פון די לעצטע קרבנות פון ביאַליסטאָקער געטאָ.

בער ראָלניצקי איז געווען וויצעפרעזעס פון פאַראיין פון ייִדישע קינסטלער־פּלאַסטיקערס אין וואַרשע. זײַנע בילדער האָבן אויף די אויסשטעלונגען זיך אויסגעצייכנט בעיקר מיט זייערע וואַרעמע טענער און מיט לעבעדיקע זשעסטאויסדרוקן פון די געשטאַלטן. וועגן אַן אויסשטעלונג פון די בילדער פון דאָזיקן קינסטלער האָט געשריבן פעליקס פרידמאַן אין די „ליטעראַרישע בלעטער". אויף אַן אויסשטעלונג פון „איפּס" (פּראָפּאַגאַנדע־אינסטיטוט פון קונסט) אין וואַרשע האָט זיך געפונען בער ראָלניצקיס בילד „כלי־זמרים".

אויך ראָלניצקיס זון בנימין האָט אַרויסגעוויזן גרויסע פעיִקייטן ווי אַ קינסטלער־גראַפיקער. ביידע איז געלונגען אין 1939 צו אַנטלויפן פון וואַרשע קיין ביאַליסטאָק, וווּ זיי זענען אומגעקומען.

אפרים און מנשה זײַדענבײַטל, צווילינגס־ברידער. געבוירן דעם 17טן יוני 1903. ביידע זענען געווען מאָלערס, פּונקט ווי דער עלטסטער ברודער יוסף, צו וועמענס טאַלאַנט זיי האָבן פון דעסטוועגן נישט דערגרייכט, כאָטש זיי האָבן איבערראַשט מיט זייערע הערלעכע פאַרבן. די צווילינגס־ברידער זענען אויך געווען פון דער זעלבער הייך און גלײַך דאַר און אויך די פּנימער זענען געווען אַזוי ענלעך, אַז מען האָט זיי לײַכט געקענט פאַרטוישן. ביידע האָבן געוווינט אין ייִדישן אַקאַדעמישן הויז און שטודירט אין דער וואַרשעווער אַקאַדעמיע בײַ די פּראָפעסאָרן סקאָטשילאַס און פּרושקאָווסקי. די ברידער זענען כמעט שטענדיק געווען צוזאַמען; אפילו וואָס שייך זייער מאָלערישן טאַלאַנט איז זיי שווער געווען צו אונטערשיידן. אָפט האָבן זיי געמאָלט בשותפות אַ בילד און עס אונטערגעשריבן בלויז מיטן פאַמיליע־נאָמען. אין דער קונסט האָבן זיי זיך אויסגעלעבט בלויז אין די פאַרבן און וויבראַציעס. אָבער עס איז זיי גאָרנישט אָנגעגאַנגען דער אינהאַלט. זייער ווירטואָזיטעט און די לײַכטקייט פון פּענדזל האָט זי דערפירט צו קאָסמאָפּאָליטיזם. אין קאַזשימיעזש־דאָלני האָבן זיי אָפט געמאָלט קליינע שטיבלעך, וווּ ס'האָבן געוווינט די אָרעמסטע פון שטעטל, אָבער זיי זענען דאָרט פאַרבײַגעגאַנגען גאַנץ גלײַכגילטיק. וואָס שטאַרקער עס איז אָנגעגאַנגען די פאַשיזאַציע אין לאַנד, אַלץ מער האָבן די זײַדענבײַטלס זיך דערווײַטערט פון דעם פּשוטן פאָלקסמענטש. דערפאַר האָט זייער שאַפונג זיך נישט גערירט פון אָרט. ביידע האָבן כסדר געמאָלט, אָבער דאָס וואָס זיי האָבן געשאַפן איז געווען אַן איבערחזרונג פון דאָס זעלבע. דער מאָלערישער ווערט פון בילד — דאָס איז געווען זייער פעטיש. דערצו האָבן זיי געהאַט אַ גרויסקייט־מאַניע און זיך געהאַלטן גאַנץ שטאָלץ. די דאָזיקע שוואַכ־

---

*) אַקוואַטינט — גראַווירונג אויף קופּער (קופּערשניט) וואָס דערמאָנט אַ טוש־מאָלערײַ.

קייטן האָט די פּוילישע בורזשואַזיע גערן אויפגעכאַפּט און זיי אַפילו געחנפעט אין איר פּרעסע. מען דאַרף אָבער צוגעבן אַז נישט קוקנדיק אויף זייערע חסרונות, וואָס זענען אייגנטלעך געווען אַ רעזולטאַט פון בורזשואַזן אײַנפלוס פון דער סביבה, האָבן די ברידער אפרים און מנשה אַ סך פּאָזיטיווע שטריכן אין זייער שאַפונג און אַ סך זייערע בילדער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ. זייער ווילן זיך דערנענטערן צו די בורזשואַזע ספערעס האָט נישט איין מאָל בײַ זיי גורם געווען אַ שטאַרקע פאַרביטערונג. עס איז זיי אויסגעקומען צו הערן בייזוויליקע אַנטיסעמיטישע אָנצוהערענישן אַפילו פון די כלומרשטע ליבעראַלן, וואָס האָבן זיך אין דער אמתן גענייגט צו די מוסטערס פון דײַטשן פאַשיזם.

זינט 1930 באַווײַזן זיך וואָס אַ מאָל אָפטער די בילדער פין די ברידער זײַדענבײַטל אויף די פּוילישע אויסשטעלונגען, וווּ זיי ווערן שטאַרק געלויבט. זיי באַטייליקן זיך אויך אויף די אויסשטעלונגען פון פּוילישע קינסטלערס אין אויסלאַנד: אין לאָנדאָן, שוועדן, פינלאַנד, ווענעציע און אַפילו אין ראַטן־פאַרבאַנד. אויף דער אויסשטעלונג אין מאָסקווע אין 1934 האָבן זיך אויך געפונען די בילדער פון די זײַדענבײַטלס און איינס פון זיי „יולקאַ", איז אָפּגעקויפט געוואָרן פאַר די סאָוועטישע מלוכה זאַמלונגען.

אין סעפּטעמבער 1939 זענען ביידע זײַדענבײַטלס אַוועק קיין ביאַליסטאָק. ערשט דאָ, אונטער דער סאָוועטישער מאַכט, האָבן זיי זיך אָפּגעגעבן חשבון אין וואָס פאַראַ גײַסטיקער שקלאַפערײַ זיי האָבן ביז איצט געשטעקט און ווי אינהאַלטלאָז איז געווען זייער קונסט. זיי האָבן דערזען ווי ווייניק בילדער מיט אַ הומאַניטאַרן אינהאַלט זיי האָבן ביז איצט געשאַפן. אין ביאַליסטאָק האָבן זיי אָנגעטראָפן גאָר אַן אַנדער וועלט! דאָ ווערן אַלע נאַציאָנאַליטעטן געשעצט און אַלע פעלקער זענען גלײַך און מ'דאַרף נישט שעמעוודיק באַהאַלטן דעם אייגענעם אָפּשטאַם. מען האָט זיך באַצויגן צו זיי ווי צו די אַנדערע קינסטלערס און זיי האָבן זיך נישט אָנגעשטויסן נישט אויף קאָנקורענץ און נישט אויף אַנטיסעמיטיזם. זיי האָבן פעסטגעשטעלט אַז אַ בילד קען זײַן דידאַקטיש און דאָך נישט פאַרלירן זײַן קינסטלערישן ווערט. ערשט אין ביאַליסטאָק האָבן אפרים און מנשה פאַרשטאַנען אין וואָס עס דאַרף זיך אויסדריקן דער קרעדאָ פון אַ קינסטלער אין דער שווערער עפּאָכע פון אימפּעריאַליזם. די זײַדענבײַטלס האָבן באַקומען פון דער סאָוועטישער רעגירונג אַ סך באַשטעלונגען און פאַר איין בילד האָט מען זיי אויסגעצאָלט אַזאַ סומע, אַז זיי האָבן פאַר דעם געלט געקענט לעבן בהרחבה אַ גאַנץ יאָר.

אין יוני 1941 האָבן די צווילינגס־ברידער שוין נישט באַוויזן זיך אַרויסצורײַסן פון ביאַליסטאָק. זיי זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין דאָרטיקן געטאָ און דורכגעמאַכט די זעלבע פּײַן און לײַדן ווי די אַנדערע ייִדן. די ברידער זײַדענבײַטל האָבן דערנאָך געהערט צו די 300 לעבן געבליבענע נאָך די לעצטע ליקווידיר־אַקציעס אין ביאַליסטאָקער געטאָ. מ'האָט זיי דערנאָך געטריבן פון איין לאַגער אין אַנדערן, ביז זיי זענען אָנגעקומען אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון פלעסענבורג (אין ווירטענבערג). די ס"ס־לײַט האָבן די געפאַנגענע פון דאָזיקן לאַגער געטריבן טיפער אין דײַטשלאַנד. די זײַדענבײַטלס האָבן נאָך דאַן געלעבט, אָבער זיי זענען דערמאָרדעט געוואָרן קורץ פאַרן פאַרענדיקן די מלחמה, אין אַפּריל 1945.

דער לעצטער ברודער הערש זײַדענבײַטל איז געווען אַ סקולפּטאָר. ער האָט אויסגעשטעלט זײַנע אַרבעטן אין וואַרשע און אין לאָדזש נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. צוליב די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען האָט ער אין 1926 עמיגרירט קיין אַרגענטינע. אויף אַן אויסשטעלונג אין בוענאָס־אײַרעס האָט ער באַקומען אַ פּרעמיע פאַר איינער פון זײַנע סקולפּטאָרן.

הערש זײַדענבײַטל איז געשטאָרבן אין אַרגענטינע אין 1950.

אַ סך ייִדישע קינסטלערס פון וואַרשע, וואָס האָבן זיך געפונען אין פראַנקרײַך בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, האָבן געהאַט דעם זעלבן גורל ווי זייערע קאָלעגן אין פּוילן. די היטלעריסטן האָבן אַ טייל דערמאָרדעט אויפן אָרט, אַנדערע אַרויסגעפירט פון פראַנקרײַך צו די לאַגערן פון דײַטשלאַנד אָדער פּוילן, וווּ די מערסטע פון זיי זענען אומגעקומען.

צווישן די וואַרשעווער קינסטלערס, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין פראַנקרײַך און זענען אומגעקומען אויף אַן ענלעכן אופן, זענען געווען דער אַרכיטעקט און מאָלער יעזשי אַשער, וועמען מיר האָבן שוין דערמאָנט פריִער, און פישל זילבערבערג.

פישל זילבערבערג איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע גראַפיקערס פון ייִנגערן דור, געבוירן אין פּלאָצק דעם 23טן יולי 1909. ער האָט שטודירט אין דער וואַרשעווער אַקאַדעמיע בײַ דעם באַרימטן מאָלער פעליציאַן־שטשעסני־קאָוואַרסקי. זילבערבערג איז געווען אַ לײַדנשאַפטלעכער האָלצקריצער, גראַפיקער און מאָלער פון אַ בולט סאָציאַלער טענדענץ.

אין 1936 איז אַנטשטאַנען אין וואַרשע אַ גרופּע גראַפיקערס אונטערן נאָמען „שוואַרץ און ווײַס", וואָס האָט געהאַט אירע אויסשטעלונגען אין „זאַכענטאַ". ערן־פּרעזעס פון דער גרופּע איז געווען לעאָן וויטשולקאָווסקי, וואָס האָט אויך אויסגעשטעלט זײַנע זאַכן אין „זאַכענטאַ". נאָך דעם ווי די סאַנאַציע־רעגירונג האָט אין 1934 געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט היטלערן, איז דער דרוק אויפן אַרבעטער־קלאַס געוואָרן וואָס אַ מאָל שטאַרקער. עס זענען געקומען שלעכטע צײַטן נישט בלויז פאַר די אַרבעטענדיקע מאַסן פון פּוילן, נאָר אויך פאַר די פּראָלעטאַרישע קינסטלערס. איינער פון די וויכטיקסטע מיטגלידער פון דער גרופּע „שוואַרץ און ווײַס", פישל זילבערבערג, איז געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און האָט זיך באַזעצט אין פּאַריז אין 1938. מ'האָט זיך אויף אים דאָרט באַלד דערקענט, און אָפּשאַצנדיק זײַן גרויסן טאַלאַנט, האָט מען בײַ אים געמאַכט אַ סך באַשטעלונגען. עס האָט זיך מיט דעם יונגן קינסטלער פאַראינטערעסירט דער קונסט־היסטאָריקער קאַרל שטערלינגער און דער וואַרשעווער קונסטקריטיקער, וואָס האָט שוין דאַן געוווינט אין פּאַריז, יחיאל אַראָנסאָן.

אין יאָר 1940 האָבן די היטלעריסטישע האָרדעס פאַרכאַפּט פּאַריז און צוויי יאָר שפּעטער (אין מאַרץ 1942) איז זילבערבערג אַרײַנגעפאַלן אין די נאַצישע לאַפּעס. מ'האָט אים פאַרשפּאַרט אין אַ פראַנצויזישן לאַגער און דערנאָך אָפּגעטראַנספּאָרטירט קיין אָשוויענטשים. דאָרט איז ער קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע געגאַנגען אין דער קרעמאַטאָריע.

מיר וועלן איצט איבערגיין צו די ייִדישע קינסטלערס וואָס האָבן זיך בעת דער אָקופּאַציע געפונען אויסער דעם וואַרשעווער געטאָ, אָבער זיי זענען געכאַפּט געוואָרן פון די נאַציס און אומגעקומען. אייניקע פון זיי זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין דער תפיסה אָדער אין געטאָ, וווּהין מ'האָט זיי פאַרטריבן, און אַנדערע, וועלכע מ'האָט געכאַפּט אויסער דער הויפּטשטאָט, זענען אויפן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

ראָמאַן קראַמשטיק האָט זיך גערעכנט אין פּוילן ווי איינער פון די באַרימטסטע מאָלערס פון עלטערן דור. ער האָט אָפּגעשטאַמט פון אַ פּאַטריאָטישער משפּחה און זײַן זיידע יצחק קראַמשטיק, אַ פּריידיקער אין דער דײַטשער (פּאָסטעמפּאָווע) שיל אויף די נאַלעווקעס, האָט זיך באַטייליקט אין אויפשטאַנד פון 1863. ראָמאַנס פאָטער איז געווען אַ וואַרשעווער דאָקטאָר און די מוטער האָט געשטאַמט פון דער יִחוסדיקער פאַמיליע פּאַיאַנס. ראָמאַן קראַמשטיק איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע אין 1885. שוין קליינערהייט האָט ער אַרויסגעוויזן קינסטלערישע פעיִקייטן און צו 27 יאָר איז ער שוין געווען אַ באַרימטער מאָלער וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער אויסשטעלונג פון די פּראָגרעסיווע בערלינער קינסטלערס אונטער דער אָנפירונג פון מאַקס ליבערמאַן. אויף דער דאָזיקער אויסשטעלונג פון דער אַוואַנגאַרד־גרופּע פון דײַטשע פּלאַסטיקערס ,אונטערן נאָמען „סעצעסיע", זענען געוויזן געוואָרן בילדער פון אַזעלכע וועלט־באַרימטע קינסטלערס ווי: איזראַעלס, וואַן גאָג, מאָנע, ראָדען, פּיקאַסאָ. קראַמשטיק, איינער פון די ייִנגסטע אויף דער אויסשטעלונג, איז אָנערקענט געוואָרן ווי אַן אויפגייענדיקער מאָלערישער טאַלאַנט. און ווירקלעך האָט קראַמשטיקס שעפערישקייט זיך הערלעך אַנטוויקלט און זײַנע בילדער האָבן געהאַט אַ הויכן ווערט סײַ אין דער הינזיכט פון פאָרעם, סיי אין דער פאַרטיפונג פון דער טעמע. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ סעזאַניסט *), אָבער קראַמשטיק איז ענלעך געווען צו סעזאַנען בלויז אין דער פאָרעם.

ער האָט קיין מאָל נישט פאַרלוירן דעם חוש פאַר רעאַליזם און האָט אַלע מאָל אונטערגעשטראָכן דעם אינהאַלט פון דער אַרויסגעבראַכטער טעמע. פאַר דער מלחמה האָט מען אים בעיקר אָפּגעשאַצט פאַר זײַן הומאַניסטיש אויפנעמען די טעמעס. דאָס האָט אים נישט געשטערט אַרויסצוברענגען זײַנע מענטשלעכע געשטאַלטן, לאַנדשאַפטן אָדער זאַכן אין אַ דעקאָראַטיווער קאָלאָריסטיק. אמת טאַקע אַז אין דער ערשטער פאַזע פון זײַן שעפערישער טעטיקייט האָט ער נאָך באַנוצט עקסטאַזפולע טענער, אָבער דער אינהאַלט פון זײַן מאָלערישער וויזיע איז אַלע מאָל אַרויסגעקומען גאַנץ קאָנקרעט.

ביז 1939 האָט קראַמשטיק געהאַט צוויי היימען: וואַרשע און פּאַריז. אין ביידע שטעט האָט ער געהאַט נישט נאָר זײַנע אַטעליעס, נאָר אויך זײַנע פאַרערערס, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען וויסנשאַפטלערס, קינסטלערס, אינטעלעקטואַלן, פײַנשמעקערס וואָס האָבן זיך קריטיש באַצויגן צו די וואָס האָבן זיך אַליין געמאַכט רעקלאַמע, חשובע לײַט וואָס האָבן אויסגעצייכנט געקענט די בורדואַר־סודות פון גרויסע וועלטדאַמעס און גלײַכצײַטיק האָבן זיי זיך אויך גוט אָריענטירט אין די קורסן פון פאַרשידענע אַקציעס — מיט איין וואָרט, אַלץ אַזעלכע מענטשן וואָס זיי האָט נישט אינטערעסירט אַזאַ ענין, למשל, ווי וויפל פאַרדינט אַן אַרבעטער אַ טאָג, אָדער וואָס עס טוט זיך אין די דאַכשטיבלעך צי אין די קעלער־וווינונגען. אַלע אַזעלכע פּראָבלעמען, וואָס באַרירן די אַרבעטנדיקע מאַסן, זענען פאַר זיי געווען אַן אומבאַקאַנטע וועלט.

אויך קראַמשטיק האָט אין זײַן שאַפן ביז דאַן נישט באַהאַנדלט קיין פּראָבלעמען וואָס דאָס לעבן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וואַרפט אָן די ברייטע אַרבעטס־מאַסן. ערשט אין וואַרשעווער געטאָ, — וווּהין די היטלעריסטן האָבן אים פאַרטריבן בעת דער אָקופּאַציע, נאָך דעם ווי זיי האָבן אים אַרויסגעוואָרפן פון זײַן שיינעם אַטעליע וואָס האָט זיך געפונען אויף סענאַטאָרסקע, נישט ווײַט פון דער געטאָ־מויער — האָט קראַמשטיק פאַרשטאַנען אַז ער האָט צענדליקער יאָרן געבלאָנדזשעט. אויפן באָדן פון קליינעם, ענגן געטאָ האָט ער ערשט דערזען דעם גאַנצן גרויל וואָס איז אַרויסגעקומען פון דער הערשאַפט פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, וועלכע האָט אין דער אַזוי גערופענער „פרידנסצײַט" זיך באַמיט צו פאַרגלעטן און פאַרמאַסקירן די אַלע מינים סתירות. דאָרט האָט קראַמשטיק געזען ווי די אין היטלעריסטישן דײַטשלאַנד אויסגעשולטע אַרמיי פון רויבערס און מערדערס האָט זיך געוואָרפן ווי די היענעס אויף די שוצלאָזע, כדי זיי צו פאַרצוקן און זיך באַרײַכערן אויפן חשבון פון דער שרעקלעכסטער מענטשלעכער נויט. דער קינסטלער האָט דערזען אויך צווישן די קרבנות גופא מוראַדיק־אָפּשטויסנדיקע דערשײַנונגען, וואָס זענען געווען אַ רעזולטאַט פון דער צעפוילטער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם. ער האָט געטראַכט וועגן די רײַכע לײַט, וואָס פרעסן און זויפן אין עלעגאַנטע רעסטאָראַנען, און אַ פּאָר שריט ווײַטער טרעפט מען אָן אויף געשוואָלענע מתים, קרבנות פון הונגער.

קראַמשטיק איז געווען איינער פון די וויניקע קינסטלערס וואָס האָבן, נישט קוקנדיק אויפן פאַרבאָט, אונטער דער דראָונג פון טויט, ווײַטער פאָרגעזעצט זײַן שעפערישע טעטיקייט. אין יענע געטאָ־באַדינגונגען האָט ער אָנגעהויבן שאַפן זײַנע צייכענונגען — דאָקומענטן, וואָס האָבן געשילדערט די שאַקלהאַפטע באַציִונגען וועלכע האָבן געהערשט אין וואַרשעווער געטאָ. פון אונטער קראַמשטיקס פּענדזל זענען אַרויסגעקומען אַזעלכע טראַגישע מאָטיוון פון דער סביבה וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, אַז ס'האָט זיך געדאַכט ווי דער סטיל גופא פון זײַנע געטאָבילדער שרײַט אַרויס זייער ווייטיק. זײַנע צייכענונגען שטעלן פאָר מוטערס מיט קינדער אויסגעדאַרטע ווי די סקעלעטן, און אַנדערע — געשוואָלענע פון הונגער. קראַמשטיק האָט איינגעזען אַז עס עקסיסטירן גאָרנישט אַזעלכע פאַרבן וואָס זאָלן קענען אַרויסברענגען דעם גרויליקן אמת פון דער סביבה. ער האָט געאַרבעט אײַליק, פיבערדיק. צוזאַמען מיטן אַרכיטעקט יעזשי געלבאַרט האָט ער זיך פאַרמאַכט אין אַ שטוב פון אַ האַלב־אײַנגעפאַלענער חורבה אויף שיענע־גאַס און ביידע האָבן אַרויסגעענדיקט די צייכענונגען, געשאַפענע אויפן סמך פון אָבסערוואַציע. איינע פון זיי שווידערט ממש אויף. זי שטעלט פאָר אַן אויסגעדאַרטן באָרוועסן פאָטער, אָנגעטון אין שמאַטעס, וואָס טראָגט אויף די פּלייצעס אַ קליין קינד, מיט די הענטלעך פעסט אײַנגעקלאַמערט אין האַלדז פונעם פאָטער; אויפן רעכטן אָרעם טראָגט ער אַ קלענער קינד, אפשר קוים פון אַ יאָר, און דערנעבן שפּאַנט אַ 4־5־יעריק ייִנגעלע, וואָס דריקט קראַמפּהאַפטיק די האַנט פון פאָטער. פון דער רעכטער זײַט זעט זיך דאָס קעפּל פון אַ ביסל אַ גרעסערן מיידל, וואָס האָט איר פּנים אויסגעדרייט צום פאָטער. דער אויסדרוק פון דאָזיקן מאַן, אַזאַ באַלאָדענער מיט קינדער, איז שווער צו באַשרײַבן, ווײַל אין דער גאַנצער קונסט־געשיכטע איז שווער צו געפינען אַזאַ געפילפולע טעמאַטיק ווי די וואָס קראַמשטיק האָט אָנגעטראָפן אין וואַרשעווער געטאָ! דאָס פּנים פון דאָזיקן פאָטער איז געווען ווי די פאַרקערפּערונג פון זאָרג און שרעק פאַרן לעבן פון זײַנע קינדער, וואָס האָבן אַזוי הילפלאָז אויסגעקוקט אויף אַ מעגלעכער רעטונג, בעת דער פאָטער גופא פילט שוין די נאָענטקייט און אומפאַרמײַדלעכקייט פון טויט. ס'איז שווער צו באַשרײַבן די דאָזיקע דאָקומענטאַלע צייכענונגען, אָבער דערפאַר איז גרינג אַרויסצולייענען פון זיי ווי ווײַט דער קינסטלער האָט זיך דורכגענומען מיט דער פּײַן און מיט די לײַדן פון די געטאָ־מענטשן אַז ער האָט געקענט זיי אַזוי אײַנדרוקספול אַרויסברענגען אויף

---

*) אָנהענגער, אָדער נאָכפאָלגער פון באַרימטן פראַנצויזישן מאָלער פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, סעזאַן.

קליינע בייגנדלעך פּאַפּיר. קראַמשטיק האָט אפילו באַוויזן בײַם צייכענען די דאָזיקע קאָשמאַרע בילדער אַרויסצוברענגען מענטשלעכע ווערדע בײַ די אַלע קרבנות און דאָס באַווײַזט אַז עס איז מעגלעך געווען, דער מענטש זאָל אויסהאַלטן זײַן חשיבות אפילו אין אַזעלכע שרעקלעכע באַדינגונגען. דעם אויפשטאַנד אין געטאָ האָט דער קינסטלער נישט געקענט שילדערן, — ער האָט שוין דאַן נישט געלעבט. זײַן לעבן און שאַפן אין געטאָ האָבן אים אַרויסגעהויבן איבערן ניוואָ פון אַ יחיד: ער איז דאָרט געוואָרן אַן אַקטיווער קעמפער פאַר די העכסטע מענטשלעכע אידעאַלן.

זומער 1942, בעת דער שרעקלעכער „אויסזידלונגס־אַקציע", ווען קראַמשטיקס חברים פון מילנע 9 זענען געוואָרן אַרויסגעשלעפּט אויף דער גאַס כדי זיי אָפּצופירן צו די וואַגאָנען, איז קראַמשטיק געבליבן ליגן אויף דער גאַס אַ שטערבלעך פאַרוווּנדעטער. נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס שיסערײַ האָבן די ייִדן פון אַ נאָענטן בונקער, וווּ זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, אים אַרײַנגעטראָגן אין קעלער, אָבער דער דאָקטער האָט שוין גאָרנישט געקענט העלפן. אין זײַנע לעצטע ווערטער האָט קראַמשטיק אויפגעפאָדערט די לעבן געבליבענע פּלאַסטיקערס נישט צו פאַרגעסן די גרויזאַמע פאַרברעכנס פון די נאַציס און זיי גערופן אויסצונוצן זייער פּענדזל און דלאָטע אין קאַמף קעגן דער מעגלעכקייט, אַז אַזעלכע גרוילטאַטן זאָלן זיך נאָך ווען עס איז איבערחזרן.

זײַדעמאַן דאָראָטאַ האָט אָפּגעשטאַמט פון דעם הויך־קולטורעלן קרײַז פון וואַרשעווער אַרכיטעקטן. אין איר היים זענען אָפּט געקומען פּוילישע קינסטלערס, צווישן זיי דער באַרימטער מאָלער יוזעף פּאַנקיעוויטש. אַזוי אַרום איז דאָראָטאַ געקומען אין קאָנטאַקט מיט פּלאַסטיקערס און אויך אַליין האָט זי אָנגעהויבן שאַפן בילדער וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייערע נאַטירלעכע, זאַפטיקע פאַרבן און מיט זייער אויסערגעוויינלעכער שפּיל פון ליכט און שאָטן. דער קינסטלערין געלונגט איבערצוטראָגן אויף לײַוונט דאָס פּולסירן פון לעבנסזאַפטן אין די פלאַנצן און אַרויסברענגען די נאַטור־שיינקייט אויף אַ פאַרכאַפּנדיקן אופן. דערבײַ איז אינטערעסאַנט אַז זי האָט זיך שטרענג געהאַלטן אין די פּרינציפּן פון אַן אַרכיטעקטאָנישער קאָמפּאָזיציע־סטרוקטור.

דאָראָטאַ זײַדעמאַן האָט געהערט צו דער קינסטלערישער גרופּע „קאַפּיסטן" — אַ גרופּע מאָלערס וואָס האָט דאַן שטודירט אין פּאַריז, וווּ עס איז אויך געווען אַ פיליאַל פון דער פּוילישער קונסט־אַקאַדעמיע, אָנגעפירט פון י. פּאַנקיעוויטשן. צו דער גרופּע האָבן געהערט די באַרימטע פּוילישע מאָלערס: וואַלישעווסקי, יאַן ציבים, אַרטור נאַכט, יאַצעק פּוגעט, האַננאַ רודזקאַ־ציבים. די אויסשטעלונג פון די דאָזיקע מאָלערס אין 1934 האָט אַרויסגערופן גרויס אינטערעס. דאָראָטאַ זײַדעמאַן איז אין די קרײַזן פון די פּוילישע מאָלערס געווען זייער געליבט און געשעצט. זי האָט געהערט צו דער פאַרוואַלטונג פון „פאַרבאַנד פון פּוילישע קינסטלער־פּלאַסטיקערס" און האָט אָפּט אין געהיים אַרויסגעהאָלפן מאַטעריעל אירע קאָלעגן.

בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע אין קראָקע האָט פרוי זײַדעמאַן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער וווינונג פון האַננאַ רודזקאַ־ציבים, וועלכע האָט אויך באַוויזן צו באַקומען פאַר איר אַרישע פּאַפּירן. נישט לאַנג האָט אָבער פרוי זײַדעמאַן געקענט בלײַבן אין קראָקע, און נאָך דעם ווי מ'האָט זי עטלעכע מאָל שאַנטאַזשירט האָט זי פאַרלאָזט די שטאָט. מיט דער הילף פון פרוי רודזקאַ־ציבים איז זי אַוועק אין די בערג און האָט זיך באַזעצט אין דעם קליינעם ייִשוב ראַבקאַ, וווּ די געסטאַפּאָ האָט זי נישט באַלעסטיקט. פון איר איז אָבער געוואָר געוואָרן איר שוועסטערקינד, די מאָלערין מאַרילאַ ספּעט פון לעמבערג, וואָס איז אויך צוליב זיכערקייט אַריבער קיין ראַבקאַ. מאַרילאַן האָט מען אָבער דאָרט געקענט און ווײַזט אויס אַז עמיץ האָט זי פאַרמסרט פאַר דער געסטאַפּאָ, צוליב וואָס מ'האָט שוין אויך אַרעסטירט די פרוי זײַדעמאַן. ווען פרוי ציבים איז דערפון געוואָר געוואָרן, האָט זי אײַליק אָרגאַניזירט אַ הילפאַקציע צווישן די פּוילישע קינסטלערס און איז צוזאַמען מיטן פּוילישן מאָלער אַדאַם ניערזשאַבעק אַוועק קיין נאָווי־טאַרג כדי אַרויסצורײַסן די זײַדעמאַן פון דער געסטאַפּאָס הענט. זיי זענען אָנגעקומען קיין נאָווי־טאַרג דעם זעלבן טאָג ווען ס'איז פאָרגעקומען אַן „אויסזידלונג"־אַקציע קעגן די דאָרטיקע ייִדן און מ'האָט זיי אינפאָרמירט אַז ביידע אַרעסטירטע קינסטלערינס זענען שוין אָפּגעפירט געוואָרן אין אויסראָטונגס־לאַגער.

דער גרעסטער טייל פון פרוי זײַדעמאַנס שאַפונגען זענען פאַרלוירן געגאַנגען, פּונקט ווי דאָס איז געשען כמעט בײַ אַלע קינסטלערס פון ייִדישן אָפּשטאַם. אויף דער אויסשטעלונג פון די ווערק פון די קינסטלערס וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, וועלכע איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין קראָקע נאָך דער באַפרײַונג פון דער שטאָט, האָבן זיך אויך געפונען אייניקע בילדער פון פרוי זײַדעמאַן. אויך אין וואַרשעווער נאַציאָנאַלן מוזיי געפינען זיך אייניקע פון אירע בילדער, וואָס זענען בײַ איר אָפּגעקויפט געוואָרן נאָך פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אברהם ניימאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1873 אין שיערפּצע (מאַזאָוויע). זײַן פאָטער איז געווען אַ פּלעניפּאָטענט בײַ אַ וואַלדסוחר און דערפאַר איז אים אויסגעקומען די קינדעריאָרן צו פאַרברענגען אין די מאַזאָווישע וועלדער. דער פאָטער האָט דערנאָך געשיקט דאָס ייִנגל אין דער ישיבה, אָבער אברהמל האָט זיך מיט מער חשק פאַרנומען מיט צייכענען ווי מיט לערנען גמרא. אָפּט איז עס געקומען צו קאָנפליקטן צווישן אים און דעם ראש־ישיבה, ביז אברהם האָט פאַרלאָזט די ישיבה און איז אַוועק קיין וואַרשע. דאָרט האָט ער זיך אַ לאַנגע צײַט פאַרנומען מיט רעטושירן פאָטאָגראַפיעס און בלויז אין די פרײַע מינוטן האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט מאָלערײַ. ערשט בײַ די עטלעכע און צוואַנציק יאָר איז ניימאַנען געלונגען אַרײַנצוטרעטן אין דער קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע, וווּ ער האָט געלערנט בײַם באַרימטן פּוילישן פּייזאַזשיסט יאַן סטאַניסלאַווסקי.

ניימאַנס שאַפונג האָט אַרומגענומען בעיקר די פּוילישע לאַנדשאַפט אין איר גאַנצער פּראַכט און פאַרשידנאַרטיקייט. ניימאַן איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע פּוילישע פּייזאַזשיסטן. ער האָט געמאָלט פאַרשידענע ווינקעלעך פון לאַנד, אָפּט אַזעלכע וווּ מען האָט גאָרנישט געקענט צוקומען, אפילו נישט מיט קיין פערד און וואָגן. די זומערס פלעגט ער פאַרברענגען אין זאַקאָפּאַנע און דאָרט זיך באַגײַסטערט מיטן צויבער פון די פּוילישע טאַטרען. ער האָט געשאַפן רירנדיקע קליינע פּייזאַזשן פון זײַן באַליבטן קאַזשימיעזש בײַ דער ווײַסל (קוזמיר). אַן אַנדערס מאָל האָט ער געמאָלן דעם הערלעכן לאַזשיענקאָווסקי־פּאַרק אין וואַרשע. אָבער ניימאַן האָט נישט נאָר פאַראייביקט די שיינקייט פון דער פּוילישער לאַנדשאַפט, נאָר ער האָט אויך געוויזן די נויט פון די אָרעמע כאַטעס, וווּ די פּויערים לעבן אין די ערגסטע באַדינגונגען. ניימאַנס בילדער האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג נישט בלויז אין פּוילן, נאָר אויך אין אויסלאַנד. אין 1909 האָט ער געהאַט אַן אויסשטעלונג אין בערלין, וווּ די פּראָגרעסיווע פּרעסע פון יענער צײַט האָט שטאַרק געלויבט זײַנע שאַפונגען. דאָס קראָקעווער מוזעום האָט אײַנגעקויפט עטלעכע זײַנע בילדער.

אין די קאָשמאַרע צײַטן פון קראָקעווער געטאָ, וווּהין די היטלעריסטן האָבן אים פאַרטריבן בעת דער אָקופאַציע, האָט ניימאַן זיך שטאַרק באַפרײַנדט מיטן באַרימטן פאָלקסדיכטער מרדכי געבירטיק. אין געטאָ האָט ניימאַן געשאַפן אַן אויפטרייסלענדיק בילד, וואָס שטעלט פאָר אים מיט געבירטיקן. אויך זײַן אויטאָפאָרטרעט שפיגלט אָפ די טראַגיק פון די שרעקלעכע איבערלעבונגען . . .

דעם אַלטן קינסטלער האָבן די נאַציס דערמאָרדעט נאָך אַן „אַקציע”, ווען דער זקן איז געבליבן הינטערשטעליק פון די אַנדערע ייִדן וואָס מ׳האָט געטריבן צו די וואַגאָנען.

אברהם ניימאַן איז געווען גאַנץ פאָפולער צווישן די פוילישע קינסטלערס און האָט אויך געהערט צו די נאָענטסטע פרײַנט פון סאַמועל הירשענבערג.

נאַטאַן קאָזשען איז געבוירן געוואָרן אין 1895 אין פלאָצק. נאָך אַלס ייִנגל האָט ער מיט זײַנע צייכענונגען איבערגעשטיגן די מאָלערס פון זײַן היימשטאָט. גאַנץ יונג פאָרט ער אָפ קיין וואַרשע, וווּ ער שטודירט אין דער קונסט־אַקאַדעמיע אונטער דער אויפזיכט פון פראָפעסאָר פרושקאָווסקי, און ווערט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער מאָלער. זײַנע בילדער זענען שטאַרק רעאַליסטיש, כאָטש מ׳האָט אים צוגערעכנט צו די נאָכאימפרעסיאָניסטן („פאָסטאימפרעסיאָניסטן”). קאָזשען האָט געמאָלט פאָרטרעטן און גלײַכצײַטיק אויך פרעכטיקע לײַוונטן פון דער פוילישער לאַנדשאַפט. ער האָט געהערט צו די ווייניקע יונגע מאָלערס, וועמענס ווערק עס זענען געוואָרן רעפראָדוצירט סײַ פון די „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע” און סײַ פון די „ליטעראַרישע בלעטער”, ווײַל ער איז געווען נאָענט נישט נאָר די ייִדישע שרײַבערס נאָר אויך די פוילישע. צווישן זײַנע פאַרשידענע שאַפונגען איז כדאי צו דערמאָנען דעם פאָרטרעט פון גרויסן שרײַבער ווײַסענבערג, וואָס איז בײַ קאָזשענען אַרויסגעקומען פאַרגײַסטיקט און אויסגעאיידלט.

וועגן זײַן בילדער־אויסשטעלונג אין וואַרשע, אין גאַרלינסקיס סאַלאָן, עטלעכע יאָר פאַר דער מלחמה, האָט געשריבן דער דיכטער בער האָראָוויץ, וואָס איז אַליין אויך געווען אַ פעיִקער פלאַסטיקער.

נאָכן אויסבראָך פון דער מלחמה אין סעפטעמבער 1939 איז קאָזשען אַוועק קיין ווילנע, וווּ ער האָט געאַרבעט אין ייִדישן טעאַטער ווי אַ מאָלער־דעקאָראַטאָר. חוץ דעם האָט ער אין ווילנע געמאָלן פאָרטרעטן און פייזאַזשן. ווען היטלער איז איבערגעפאַלן דעם ראַטן־פאַרבאַנד האָט דער קינסטלער שוין נישט באַוויזן צו פאַרלאָזן די שטאָט און ער איז געווען צווישן די ערשטע קרבנות פון די נאַציס.

נאַטאַן קאָזשענס בילדער האָבן זיך נאָך פאַר דער מלחמה געפונען אין וואַרשעווער נאַציאָנאַלן מוזעום און אייניקע פון זײַנע פייזאַזשן האָט אויך אָפגעקויפט נאָכן באַפרײַען דאָס לאַנד די וואַרשעווער „ייִדישע געזעלשאַפט צו פאַרשפרייטן שיינע קונסט”.

אַניעלאַ צוקיער, געבוירן דעם 1טן יאַנואַר 1910, איז געווען אַ מאָלערין און אַ גראַפיקערין. זי האָט שטודירט אין דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע און איר הויפטטעמע איז געווען די שיינקייט פון דער פוילישער לאַנדשאַפט. זי האָט געהאַט אַ באַזונדערע פעיִקייט אויסצוגעפינען ווייניק־באַקאַנטע ווינקעלעך פון לאַנד, פאַרוואָרפענע ערגעץ ווײַט פון די באַנליניעס און שאָסייען, און אַרויסברענגען זייער פאַרכאַפנדיקע שיינקייט. אירע בילדער — בלומען, ביימער, אַ קעלבל, צי גאָר אַ דאָרפישע הײַזקע — אַלץ איז אַרויסגעקומען אַזוי פריש און זאַפטיק, ווי עס וואָלט זיך כסדר געבאָדן אין אַ ים פון ליכט און לופט. זי האָט געקענט אירע בילדער אויסקריצן אין האָלץ און דערנאָך זיי צוגעבן פרעכטיקע פאַרבן. נאָך גאָר יונג האָט די קינסטלערין באַוויזן צו דערגרייכן אַ הויכע טעכניק פון האָלצקריצערײַ, וואָס האָט איר דערמעגלעכט צו שאַפן אַ גאַנצע ריי פרעכטיקע מאָטיוון, ווי דעם מאַרק אין קאַזשימיעזש־דאָלני מיט זײַנע פאַרשידנפאַרביקע שטיבלעך, דעם „באַרג פון די דרײַ צלמים”, אַ ציקל פייזאַזשן־האָלצשניטן פון מאָלערישע שטעטלעך ,ווי פוצק, ווישניאָוויעץ, קרעמעניעץ (קזשעמיעניעץ) און אַנדערע. זי האָט אַרויסגעבראַכט די שיינקייט פון די וואַרשעווער גאָרטנס, פון די לאַזשענקעס, אָדער דעם פאַדערעווסקי־פאַרק.

די יונגע קינסטלערין איז נישט פאַרבײַגעגאַנגען גלײַכגילטיק קיין שום געשעעניש פון טעגלעכן לעבן. זי ווײַזט אונדז די פאַרקויפערין פון אַ פרוכטגעשטעל (סטראַגאַן), אָדער אַ גרינוואַרגהענדלערין, אַ שנײַדערין בײַ דער אַרבעט, און ענלעכע מאָטיוון. זי האָט אויך אויסגעמאָלט אין די פענצטער פון אַ קירך אַכט פרעכטיקע וויטראַזשן (מאָלערײַ אויף פענצטערגלאָז), פון וועלכע איינער שטעלט פאָר דעם הייליקן פראַנציס. אַניעלאַ צוקיער האָט אויך געקענט שרײַבן אינטערעסאַנטע אַרטיקלען, ווי די וואָס זי האָט פאַרעפנטלעכט אין די יאָרן 1930—1931 אין דעם קינסטלערישן זשורנאַל „אַרקאַדי”. די דאָזיקע ליטעראַרישע אַרבעטן האָבן געמוזט אַרויסרופן בײַם לייענער אַ ליבע צו דער נאַטור און פאַר די מאָלערס האָבן זיי געקענט דינען ווי אַן אָנרעגונג אַרויסצוברענגען מיטן פענדזל יענע מאָלערישע ווינקעלעך פון לאַנד, וואָס זענען גאָרנישט פאַרצייכנט אויף דער מאַפע. אין 1933 האָט די קינסטלערין געהאַט אַן אויסשטעלונג פון אירע שאַפונגען, צוזאַמען מיט די אַרבעטן פון דער סקולפטאָרין יוליאַ קייל אין „איפס” (אינסטיטוט פון פראָפאַגאַנדירן קונסט”). ביידע יונגע לעבנס זענען פאַרשניטן געוואָרן דורך די דײַטשע תלינים.

יוליאַ קייל איז געבוירן דעם 16טן פעברואַר 1902. אירע סקולפטורן כאַראַקטעריזירט אַ מאָנומענטאַלע רויִקייט און באַהערשטקייט. די קינסטלערין גופא איז געווען פול מיט לעבן און ענערגיע. אירע אַרבעטן זענען געווען ווי אַן אָפשפיגלונג פון איר איבערפולטער ענערגיע. זי האָט נישט ליב געהאַט צו קלעבן פון ליים און האָט פאָרמירט אירע געשטאַלטן אין האָלץ אָדער מאַרמאָר, מעש און קופער. די געשטאַלטן זענען בײַ איר אַרויסגעקומען מילד און סובטעל, מיט שטריכן וואָס האָבן זיי געוויזן אין זייער אינטימיטעט. אַזוי איז למשל די שיינע האָלצשניט־פיגור פון פוילישן דיכטער און מאָלער ציפריאַן נאָרוויד. פון אַן אָנפאָרמיקן קלאָץ האָט די קינסטלערין אַרויסגעכישופט די וויזיע פון פלאַמיקן פערזן־מײַסטער אין זײַן גאַנצער גרייס און נאָבלקייט. אַזוי האָט מסתמא אויסגעזען בײַם לעבן דער באַגײַסטערטער נאָרוויד. אַ צווייטע סקולפטור פון פרוי קייל, אויך אַ האָלצשניט (פון אַ באַרענבוים) שטעלט פאָר אין דער נאַטירלעכער גרייס די געשטאַלט פון דער וואַרשעווער דראַמאַטישער קינסטלערין באַרטשעווסקאַ. די פרויען־פיגור אָטעמט מיט קלאַסישער רו. דער קערפער פון דער אַקטריסע איז אײַנגעהילט אין אַ פראָסט, לויז קלייד, וואָס שטרײַכט אונטער די ריטמישע האַרמאָניע און די שיינקייט פון דער געשטאַלט.

יוליאַ קיין האָט אין 1924 אויסגעשטעלט אין דער „ייִדישער געזעלשאַפט צו פאַרשפרייטן קונסט” דרײַ סקולפטורן, פון יועלכע זי האָט איינע אָנגערופן „אונטערן דרוק פון טרויער”. פון דאַן אָן האָט פרוי קייל געהאַט אָפטע אויסשטעלונגען אויך אין דער „זאַכענטאַ” און אין „איפס”. אין 1938 האָט זי בשותפות מיט דער

גראַפיקערין אַניעלאַ צוקיער אויסגעשטעלט אין וואַרשע אין דעם זעלבן „איפס" אירע אַרבעטן וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויס אינטערעס. צווישן די עקספּאָנאַטן זענען געווען אויסגעקאָוועטע מיט דער האַנט מעטאַלענע קונסטזאַכן, ווי בעכערס, טאַצן און אַנדערע זאַכן פון טעגלעכן געברויך. ס'זענען אויך דאָרט געווען דרײַ גרויסע לאָמפן וואָס האָבן זיך פריִער געפונען אין פוילישן פּאַוויליאָן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג אין פּאַריז. אויך זיי האָט די קינסטלערין אייגנהענטיק אויסגעשמידט.

אין סעפטעמבער 1939 איז יוליאַ קייל אַוועק קיין לעמבערג, ווו זי האָט אײַנגעאָרדנט אַ וואַרשטאַט פאַר יונגע סקולפטאָרן. אין יוני 1941, נאָכן היטלעריסטישן אָנגריף אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, איז דער קינסטלערין שוין נישט געלונגען זיך צו ראַטעווען ערגעץ ווײַטער אויף מזרח. זי האָט זיך דעריבער אומגעקערט קיין וואַרשע, ווו זי האָט זיך באַזעצט אויף דער אַרישער זײַט. איר פאָטער און שוועסטער האָבן זיך אויך אײַנגעאָרדנט אויסער דעם געטאָ, ווו זי האָט זיי אָפט באַזוכט. איין מאָל, ווען זי האָט פאַרן פאָטער גע־טראָגן לעבנס־מיטלען, איז זי געוואָרן דערקענט פון געסטאַפּאָ־לײַט וואָס האָבן זי אַוועקגעפירט אויף אַלייע שוכאַ *) און מער האָט מען זי שוין נישט געזען.

פעליקס רובינליכט, אַ באַקאַנטער סקולפטאָר, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געמאַכט קינסטלערישע מצבות, איז אויך אומגעקומען בעת דער אָקופּאַציע. ער איז געווען דער שעפער פון דער מצבה פון דער באַרימטער אַקטריסע אסתר רחל קאַמינסקאַ, וועמעס קבר געפינט זיך אויפן וואַרשעווער בית־עולם בײַ אָקאָפּאָווע־גאַס.

פײַנגעווירץ נאַטאַן און אירענע. ביידע זענען זיי געווען אַרכיטעקטן, מאָלערס און סקולפטאָרן און האָבן אויסגעשטעלט זייערע אַרבעטן אונטערן נאָמען „ריינער". נאַטאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1901 אין וואַרשע און אויך זײַן פרוי איז געווען אַ וואַרשעווערין. אירענע האָט געענדיקט פּאַפּראָצקיס גימנאַזיע און איז דערנאָך דאָרט געבליבן אַרבעטן אַלס לערערין. ביידע האָבן געענדיקט די וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע און זיך דער עיקר פאַרנומען מיט דער אינערלעכער אויסשטאַטונג פון די הײַזער, מיטן אויסמעבלירן און קינסטלערישער אײַנאָרדענונג פון די וווינונגען. אויף איינער פון זייערע בשותּפותדיקע אויסשטעלונגען האָט מען געזען אַ ציִמער ווו אַלע זאַכן זענען געווען דורך זיי פּראָיעקטירט און אויך אייגנהענטיק אויסגעפירט, סײַ די ייִדישע, סײַ די פוילישע פרעסע האָט שטאַרק געלויבט זייערע קינסטלערישע אַרבעטן און זייער גוטן געשמאַק בײַם דעקאָרירן און אײַנשטעלן די שטובזאַכן.

ביידע זענען אומגעקומען בעת דער אָקופּאַציע.

ישראל טיקאָטשינסקי איז געבוירן געוואָרן אין ראַדזין אין יאָר 1859. גאַנץ יונג איז ער אָנגעקומען קיין וואַרשע, ווו ער האָט שטודירט אין דער שול פון שיינער קונסט. גלײַכצײַטיק האָט ער אָבער אויך געמוזט אַרבעטן כדי צו פאַרדינען אויף זײַן אויסקום. טיקאָטשינסקי איז געווען מאָלער און גראַפיקער און זײַנע איז גע־ווען די אָריגינעלע אילוסטראַציע צו דער אַרויסגעגעבענער ביבלי־שער לעגענדע באַקאַנט אונטערן נאָמען „מגילת אסתר". טיקאָ־טשינסקי האָט ווייניק אויסגעשטעלט זײַנע אַרבעטן, אָבער דער־פאַר האָט מען וועגן אים אָפט געשריבן אין די „ליטעראַרישע בלעטער" און אין אַנדערע צײַטשריפטן. אין די לעצטע יאָרן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען סעקרעטאַר פון דער „ייִדישער געזעלשאַפט צו פאַרשפּרייטן קונסט" און ער האָט אָרגאַניזירט די אויסשטעלונג פון די ייִדישע קינסטלערס.

ער איז אומגעקומען אין דער צײַט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע.

ריכאַרד מאָשקאָווסקי איז געבוירן געוואָרן אין ליעזש, בעל־גיע, בײַ אַן אינטעליגענטער פויליש־ייִדישער עמיגראַנטן־משפחה. אין דער יוגנט האָט ער אַרויסגעוויזן אַ נייגונג צו פּלאַסטיק, מוזיק און אויך ליטעראַטור. די פּלאַסטישע קונסט האָט ער שטודירט אין פראַנקרײַך, בײַם באַרימטן סקולפטאָר אַריסטיד מאַיאָל, און אַרכי־טעקטור — בײַם פוילישן מאָלער און אַרכיטעקט סטאַניסלאַוו נאָ־וואַקאָווסקי, וועמען ער האָט שפּעטער געווידמעט אַ ספּעציעלע מאָ־נאָגראַפיע.

מאָשקאָווסקי איז אָפּגעפאָרן קיין פוילן און האָט זיך באַזעצט אין וואַרשע. זײַן טאָפּלטער באַרוף פון אַרכיטעקט און סקולפטאָר האָט אים געשטויסן צו נײַע און ברייטע האָריזאָנטן, אָבער אין סאַנאַציע־פוילן האָט ער נישט געקענט אויסלאָדן זײַנע שעפערישע כּוחות, בפרט ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן זײַנע דרייסטע, נײַצײַטיקע פּלענער אויפן געביט פון אַרכיטעקטור. אין לאַנד ווו ס'האָט געבושעוועט ראַסן־שנאה האָט נישט געקענט געפינען קיין גינסטיק אַרבעטפעלד אַ ייִדישער פּראָגרעסיווער אַרכיטעקט. דער־פאַר האָט מאָשקאָווסקי זיך טאַקע אָפּגעגעבן מײַסטנס מיט סקולפּ־טור. ער האָט געשאַפן אַ ריי עקספּרעסיוו־הומאַניסטישע פיגורן פון מענטשלעכע געשטאַלטן (דער ייִדישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין וואַרשע באַזיצט 14 אַזעלכע בראָנדזסקולפּטורן). מאָשקאָווסקי האָט געחלומט וועגן דער מעגלעכקייט צו פאַראייניקן די אַרכיטעקטור מיט דער סקולפּטור — אַ זאַך וואָס אין איצטיקן פאָלקספוילן ווערט עס מיט אַ גרויסן פאַרנעם רעאַליזירט.

ריכאַרד מאָשקאָווסקי האָט אין 1931 אויסגעשטעלט אין פּאַ־ריזער האַרבסטסאַלאָן אַן אינטערעסאַנטן מאָדעל פון אַ טעאַטער פאַר דער שטאָט כאַרקאָוו, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט צוזאַמען מיט י. וויליאַמס פון עדימבורג, ענגלאַנד. דער פּראָיעקט האָט טאַקע געוווּנען אַ פּרעמיע.

מאָשקאָווסקי איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זײַן פרוי, רוזשאַ עטקין — אַ באַקאַנטע פּיאַניסטין — אין איינעם פון די בונקערס בעתן וואַרשעווער אויפשטאַנד.

צוויי באַקאַנטע ייִדישע קינסטלערס זענען אַרויס בשלום פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, זיי זענען אָבער צוליב זייערע שווערע איבערלעבונגען געשטאָרבן קורץ נאָך דער באַפרײַונג. דאָס זענען: הענריק קונאַ און מאַגדאַלענאַ גראָס.

הענריק קונאַ איז געבוירן געוואָרן דעם 13טן נאָוועמבער 1883 אין טשעכאַנאָוו, בײַ וואַרשע. אין זײַנע יונגע יאָרן האָט ער גע־לערנט אין דער ישיבה בײַם אָסטראָווצער רב און דערנאָך באַקומען היתּר־הוראה. דער יונגער הערש איז אָבער נישט געוואָרן קיין רב, ווײַל זײַן חלום איז גאָר געווען צו ווערן אַ סקולפּטאָר. אין געהיים האָט ער געשאַפן סקולפּטורן פון די ביבלישע געשטאַלטן און דער איינציקער וועמען ער האָט פאַרטרויט דעם סוד איז געווען אַ גע־וויסער טשעכאַנאָווער דאָקטער. אינטערעסאַנט, אַז קונאַ איז גע־ווען דער צווייטער גרויסער סקולפּטאָר וואָס דאָס שטעטל האָט אַרויסגעגעבן. דער ערשטער איז געווען דער זון פון אַ פּשוטן פויער: באָלעסלאַוו ביעגאַס. אויך דעם טאַלאַנט פון פויערישן ייִנגל האָט

---

*) ווו עס האָט זיך געפונען די געסטאַפּאָ.

אַנטדעקט דער זעלבער טשעכאָנאָווער דאָקטער און אַ דאַנק אים האָט ביעגאַס געקענט אַנטוויקלען זײַנע גרויסע פעיִקייטן און איז שפעטער געוואָרן אַ באַרימטער סקולפטאָר. ווען ביעגאַס איז אַ מאָל געקומען צו גאַסט פון פאַריז אין זײַן היימשטעטל, האָט אים דער דאָקטער באַקאַנט מיטן נײַעם טשעכאָנאָווער טאַלאַנט, און ווען ביעגאַס האָט געזען די אַרבעט פון קונאַן, האָט ער באַשלאָסן אים צו דערמעגלעכן דאָס שטודיום. אַ דאַנק ביעגאַסעס באַמיִונגען האָט מען דעם יונגען חסיד אָנגענומען אין דער קראָקעווער קונסט־אַקאַדעמיע, ווו ער איז געוואָרן אַ תלמיד פון פראָפעסאָר קאָנסטאַנטי לאַשטשענקאַ. קונאַ איז אין קראָקע געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער בײַם באַרימטן מאָלער סאַמועל הירשענבערג און האָט אין דער אַקאַדעמיע זיך געחברט מיט דעם ייִנגערן ברודער פון מאַוריצי גאָטליב — לעאָפּאָלד, מיט יעזשי מערקעל און מיט דעם יונגן סקולפטאָר הענריק האָכמאַן. קונאַ האָט זיך שוין דאַן באַפרײַט פונעם גמרא־פלפול און איז וואָס אַ מאָל מער געוואָרן דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פון דער גריכישער פילאָסאָפיע און קונסט. דאָס איז אויך געווען אַנטשיידנדיק פאַר זײַן ווײַטערדיקן שאַפונגסוועג.

פאַר קונאַן איז געווען באַזונדער כאַראַקטעריסטיש זײַן שאַרפע אָבסערוואַציע־פעיִקייט, זײַן דינאַמישער טאַלאַנט. ס'קעמפט אין אים די לאָגיק פון אַ שטאַרקן אינטעלעקט און די לײַדנשאַפט פון אַ קינסטלער און אַ מאָל נעמט די אייבערהאַנט דאָס ערשטע און אַ מאָל דאָס צווייטע. אָט ווערט ער פאַרכאַפט פון די קלאַסיקערס פון דער פוילישער ליטעראַטור און נעמט זיך מיט אַזאַ ברען צו זייערע שאַפונגען, אַז אין גיכן קען ער גאַנצע פאָעמעס אויסנווייניק. אונטערן אײַנדרוק פון קראַשינסקיס „אורידיאָן” שאַפט קונאַ אין 1909 אַ סקולפטור וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען. אין 1911 באַקומט ער אַ סטיפענדיע און פאָרט אויף ווײַטערדיקע שטודיומס קיין פאַריז. כדי צו באַקענען זיך מיט דער טעכניק פון אויסהאַקן אין מאַרמאָר, אַרבעט ער ווי אַ געזעל בײַ אַ שטיינהאַקער 8—10 שעה אין טאָג און אין דער פרײַער צײַט שטודירט ער אַלטערטימלעכע סקולפטורן וואָס געפינען זיך אין לוּווער און אַנדערע פאַריזער מוזייען. שוין אין ערשטן יאָר שטעלט קונאַ אויס אין פאַריזער „האַרבסטסאַלאָן” אַן אַרבעט וואָס ער פאַרצייכנט מיטן נאָמען „אַ קאָפ פון אַ מיידל”. אַ שפעטערדיקע סקולפטור, „דער באַגינען”, באַזירט זיך שוין אין גאַנצן אויף דער גריכישער קלאַסישער קונסט. דאָס ווערק שטעלט פאָר אַ פרויען־פיגור, אויסגעהאַקט פון ראָזעווען מאַרמאָר, וואָס הייבט זיך אַרויס פון אַ שטיינערנעם בלאָק. קונאַ האָט נישט אָנערקענט ראָדענען ווי אַן אייגנאַרטיקן קינסטלער און אים גיכער באַטראַכט ווי אַ סקולפטאָר פון באַראָקסטיל. קונאַ אַליין איז אַ סך נענטער געשטאַנען צו דער סקולפטורקונסט פון מאַיאָל און דעספיאָ.

קורץ פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך קונאַ אומגעקערט קיין פוילן. פון די אַרבעטן וואָס ער האָט דאָרט געשאַפן צייכנט זיך אויס די פאָרטרעטן־סקולפטור פון פראָפעסאָר זשיעלינסקי, ווו ס'קומט אַרויס בולט די קראַפט און אייגנאַרטיקייט פון קונאַס טאַלאַנט. ער האָט געמאַכט אַ סך אַנדערע פאָרטרעטן־סקולפטורן אין וועלכער ער ברענגט אַרויס אויסגעצייכנטע טיפן פון דער פוילישער פאַרמלחמהדיקער אינטעליגענץ, אַ פאַרשפאַרטער אין די אייגענע ד׳ אמות, און וואָס שעפט אויסשליסלעך איר גײַסטיקע יניקה אין דעם אויספאַנטאַזירטן אידעאַל פון דער אייגענער פערפעקטקייט.

אין 1922 האָט קונאַ, צוזאַמען מיטן באַרימטן מאָלער און אַרכיטעקט סטאַניסלאַוו נאָוואַקאָווסקי, אויסגעשטעלט זײַנע סקולפטורן אין לאָנדאָן. די ענגלישע פרעסע איז געווען אַנטציקט פון קונאַס טיפער קינסטלערישער קולטור און האָט אָנגעוויזן אַז זײַנע סקולפטורן באַזיצן נײַע עלעמענטן, וואָס מ'האָט נאָך ביז איצט נישט אָנגעטראָפן.

אין פוילישן פאַוויליאָן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אויסשטעלונג אין פאַריז אין 1927 האָט זיך געפונען קונאַס סקולפטור „ריטם”, פאַר וועלכער דער קינסטלער האָט באַקומען דעם „גרויסן פריז”. קונאַ האָט אויך געהאַט אַ באַזונדערע אויסשטעלונג פון זײַנע ווערק וועגן וועלכע ס'איז אין די קינסטלערישע קרײַזן פון פאַריז אַ סך דיסקוטירט געוואָרן. איין אַרבעט זײַנע האָט אָפגעקויפט די פראַנצויזישע רעגירונג פאַר די קונסטזאַמלונגען פון דער לוקסעמבורג־גאַלעריע.

הענריק קונאַס גרעסטע שאַפונג איז געווען דער מאָנומענטאַלער דענקמאָל פון אַדאַם מיצקעוויטש פאַר דער שטאָט ווילנע. אין דעמאָלטיקן גרויסן קאָנקורס, ווו ס'האָבן זיך באַטייליקט די בעסטע פוילישע סקולפטאָרן, ווי קסאַווערי דוניקאָווסקי און א. וויטינג, האָט קונאַס פראָיעקט באַקומען די ערשטע פרעמיע. ס'איז קונאַן איבערגעגעבן געוואָרן די אויספירונג פון פראָיעקט און ער האָט מיט אייפער געאַרבעט איבערן דענקמאָל צען יאָר. לויטן פלאַן האָט מיצקעוויטשעס געשטאַלט געדאַרפט זײַן פון זעקס מעטער די הייך און זיך געפונען אויף אַ פיעדעסטאַל פון צען מעטער. די פירעקיקע ווענט פון דעם פיעדעסטאַל האָבן געדאַרפט האָבן באַרעליעפן וואָס זאָלן פאָרשטעלן סצענעס פון מיצקעוויטשעס ווערק „דזשיאַדי”. נאָך גרויסע אָנשטרענגונגען האָט שוין קונאַ געהאַלטן כמעט בײַם פאַרענדיקן דעם דענקמאָל, אָבער דורך דער צייט האָט זיך געביטן אין פוילן די פאָליטישע קאָניונקטור. די „סאַנאַציע” האָט וואָס אַ מאָל מער איבערגענומען פון דעם מערבדיקן שכן די היטלעריסטיש־פאַשיסטישע מעטאָדן און שוין ווינציק וואָס געהאַט אין זינען דעם דענקמאָל. ס'האָט כלומרשט געהייסן אַז מ'קען אין ווילנע נישט געפינען פאַר אים קיין פאַסיקן פלאַץ... דער סוף איז געווען אַז מ'האָט אַזוי לאַנג דערמיט אָפגעשלעפט ביז עס איז געקומען די קאָשמאַרע נאַצישע אָקופאַציע. קונאַ האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן הינטער וואַרשע, אין דער וווינונג פון פוילישן שרײַבער יאַן פאַראַנדאָווסקי — דעם פרעזעס פון פוילישן פענקלוב. ס'האָבן באַזוכט קונאַן אַ סך פוילישע מאָלערס און סקולפטאָרן און אים געבראַכט ביכער און מאַטעריאַלן. אַזוי אַרום האָט ער געקענט דורכלעבן די אָקופאַציע־צײַט, אָבער זײַן זון האָבן די דײַטשן דערמאָרדעט.

הענריק קונאַ, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געגעבן לעקציעס אין ווילנער אוניווערסיטעט, האָט נאָך דער באַפרײַונג פון לאַנד באַנײַט זײַנע קאָנפערענצן אין אוניווערסיטעט פון טאָרון (וואָס איז טאַקע איבערגעפירט געוואָרן פון ווילנע), אָבער ער איז שוין געווען צו פיל אָפגעשוואַכט פון די שווערע איבערלעבונגען, אַז ער זאָל לאַנג קאָנען פאָרזעצן זײַן אַרבעט. דעם 17טן נאָוועמבער 1945 האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס לעבן פון דעם פילגעליטענעם גרויסן קינסטלער. די שטאַרביקע רעשטן פון פראָפעסאָר קונאַ זענען אין 1951 איבערגעפירט געוואָרן פון טאָרון קיין וואַרשע, ווו זיי זענען באַערדיקט געוואָרן אין דער „אַלעע פון די פאַרדינסטפולע”, אויפן מיליטערישן צמענטער פון פאָוואָנזעק.

אין די צען יאָר פאַר דער צווייטער מלחמה האָבן קונאַס סקולפטורן פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אויף אַלע אויסלענדישע אויסשטעלונגען וואָס האָבן רעפרעזענטירט די פוילישע קונסט. דעריבער האָט מען קונאַס ווערק געקענט זען אין לאָנדאָן, פאַריז, ווע־

נעציע, שטאָקהאָלם, קאָפענהאַגען, העלסינקי. אַ באַזונדער שטאַרקן אײַנדרוק האָבן קונאַס סקולפטורן געמאַכט אויף דער אויסשטעלונג אין מאָסקווע.

הענריק קונאַ איז געווען לאַנגיאָריקער פרעזידענט פון דער קינסטלערישער גרופירונג „ריטם", צו וועלכער עס געהערט נאָך דער מלחמה די בעסטע פוילישע מאָלערס. קונאַ איז אומעטום געווען אַקטיוו און באַזונדערס איז ער געווען באַליבט בײַ די יונגע שטודירנדיקע סקולפטאָרן. פאַר אַ סך פון זיי האָט ער זיך געזאָרגט ווי אַן אייגענער פאָטער און אונטער זײַן אפוטרופסות האָבן זיך געפונען די נאָך דאַן יונגע און שפעטער באַרימטע קינסטלערס חיים האַנפט, דוויד פעפער און אברהם אָסטשעגאַ. אַ דאַנק זײַן הילף האָט די אַרבעטערין געלע סעקשטיין (וועגן וועלכע מיר האָבן שוין געשריבן) געקענט שטודירן מאָלערײַ.

קונאַ האָט געשאַפן אַ ריי פאָרטרעטן פון וואַרשעווער ייִדישע פערזענלעכקייטן, ווי למשל פראָפעסאָר הענריק נוסבאַום, און אויפן ייִדישן בית־עולם אין וואַרשע קען מען אויך זען מצבות וואָס ער האָט געמאַכט. איינער פון די שענסטע דענקמעלער איז דער משפחה־קבר פון די קירשראָטס.

מאַגדאַלענאַ גראָס איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע אין יאָר 1899. זי האָט געהערט צו די סקולפטאָרן־פאָרמאַליסטן וואָס האָבן כסדר עקספערימענטירט. אַלס טעמע פאַר אירע סקולפטורן האָבן אָפט געדינט חיות, בפרט עקזאָטישע. זי האָט זיי פאָרגעשטעלט מייסטנס אין אַ דעפאָרמירטער געשטאַלט, אָנגעבנדיק זיי קאַנטיקע פאָרמען, וואָס האָט די חיות געמאַכט גאַנץ ענלעך צו קינדערשפילעכלעך.

מאַקדאַלענאַ גראָס האָט שטודירט בײַ די באַרימטע וואַרשעווער פראָפעסאָרן טאַדעוש ברייער און הענריק קונאַ. בעת זי האָט געלערנט אין פוילן האָט זי זיך פאַראייגנט די פרינציפן פון ריינער סקולפטור, אָבער דאָס האָט זי נישט באַפרידיקט. זי איז אָפגעפאָרן קיין פלאָרענץ און אַרונטערפאַלנדיק דאָרט אונטערן אײַנפלוס פון די פלאָרענטינער סקולפטאָרן, איז זי אַוועק פון די פרינציפן פון רעאַליזם. ס'זענען באַקאַנט פון די אויסשטעלונגען אירע סקולפטורן וואָס האָבן פאָרגעשטעלט יאַפאַנישע גענדז, אַ העלפאַנט, אַ זשרעבאַק, אַ גאַזעל. אין די אַרבעטן האָט מען געקענט מערקן דעם אײַנפלוס פון זשאַק ליפשיץ, וועלכער איז דערגאַנגען צו ווירטואָזיטעט אין זײַן צעגלידערן און אַטאָמיזירן מענטשלעכע געשטאַלטן. אין אירע ראַפינירטע נאַטוראַליסטישע אַרבעטן איז פרוי גראָס ענלעך געווען צו דער מאָלערין מאַרי לאָראַנסין מיט אירע היפעראַסטעטישע שאַפונגען און וואָס שייך דער סקולפטור האָט זי דערמאָנט די ווערק פון רענע סינטעניס.

די סקולפטורן פון מאַגדאַלענאַ גראָס האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג אין סאַנאַציע־פוילן אין די שמאָטישע רײַכע קרײַזן. אירע אַרבעטן זענען אָפט געוואָרן פרעמירט סײַ אויף די פאָרמאַליסטישע אויסשטעלונגען אין לאַנד, סײַ אין אויסלאַנד. אַ טייל פון אירע סקולפטורן זענען געוואָרן אָפגעקויפט פאַר די פוילישע איי אויך פאַר די אויסלענדישע קונסט־גאַלעריעס. אויך דאָס וואַרשעווער נאַציאָנאַלע מוזעום באַזיצט סקולפטורן פון דער דאָזיקער קינסטלערין. אייניקע פון זיי, וואָס שטעלן פאָר חיות, באַצירן איצט די וואַרשעווער פאַרקן.

מאַגדאַלענאַ גראָס האָט איבערגעלעבט די אָקופאַציע, אָבער די געליטענע אויפטרייסלונגען פאַר דער גאַנצער צײַט האָבן גורם געווען אַ לאַנגע קרענק, פון וועלכער זי איז געשטאָרבן אין 1948.

זאָל נאָך צוגעגעבן ווערן, אַז מאַגדאַלענאַ גראָס האָט אויך געשאַפן זאַכן וואָס האָבן געהאַט אַ בולטן רעאַליסטישן כאַראַקטער, ווי למשל דער בראָנדזענער סקולפטור־פאָרטרעט פון אַ רוסישער אַקטריסע, וואָס איז איצט דאָס אייגנטום פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע.

מיר וועלן איצט דערמאָנען די פלאַסטיקערס וואָס זענען בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אַרײַנגעטרעטן אין דער פוילישער אָדער רויטער אַרמיי און אויך די וואָס האָבן געקעמפט קעגן היטלערישן אָקופאַנט אין די פאַרטיזאַנער־אָפטיילונגען אָדער אין דער אונטערערד. מיר ווילן אויך צום שבח דערמאָנען די פוילישע קינסטלערס אָדער אַנדערע בירגערס וואָס האָבן געהאָלפן אין יענע שווערע צײַטן די ייִדישע קינסטלערס און נישט איין מאָל אײַנגעשטעלט זייער לעבן בײַם ראַטעווען זייערע ייִדישע קאָלעגן.

די פלאַסטיקערס, וועלכע ס'איז געלונגען אַריבערצוקריגן זיך קיין ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן כמעט אַלע איבערגעלעבט די אָקופאַציע־צײַט. צווישן אַנדערע האָט זיך געראַטעוועט אין ראַטן־פאַרבאַנד דער שעפער פון דענקמאָל פאַר די אויפשטענדלערס פון וואַרשעווער געטאָ, נתן ראַפאָפאָרט. ער האָט צו ערשט געלעבט אין מינסק און איז דערנאָך אַריבער קיין מאָסקווע. ער האָט דאָרט געשאַפן אַ ריי סקולפטורן און צו לעצט פאַרטראַכט דעם פראָיעקט פאַרן מאָנומענטאַלן געטאָ־דענקמאָל. ס'האָט זיך אויך דאָרט געראַטעוועט אַ צווייטער באַקאַנטער סקולפטאָר, חיים האַנפט, וועלכער האָט זיך דערנאָך אומגעקערט קיין פוילן.

פון די ייִדישע פלאַסטיקערס וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די געטאָקאַמפן דאַרף באַזונדער אַרויסגעהויבן ווערן פסח מאַלער, איינער פון די קאַמפס־אָנפירער אין ביאַליסטאָקער געטאָ.

ווען מאַלער האָט נאָך געלערנט אין דער גימנאַזיע האָט מען אים פון דאָרט באַזײַטיקט צוליב זײַנע פאָליטישע איבערצײַגונגען. ער איז אַוועק קיין פאַריז שטודירן דעקאָראַטיווע מאָלערײַ און ווען ער האָט זיך דערנאָך אומגעקערט קיין וואַרשע האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָט ער אָרגאַניזירט די פאַרטיזאַנער וואָס זענען אַרויס קעמפן אין די וועלדער. עטלעכע טעג פאַרן אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָט ער זיך אַהין אומגעקערט כדי זיך צו באַראַטן מיט די חברים פון געטאָ. ער איז שוין דאָרט פאַרבליבן, האָט אָנגעפירט מיטן קאַמף און איז אומגעקומען. צוזאַמען מיט מאַלערן האָט זיך געפונען אין די פאַרטיזאַנער־רייען אברהם סקורניק, אַ געוועזענער שילער פון דער וואַרשעווער קונסט־אַקאַדעמיע. ער האָט שטודירט בײַ פראָפעסאָר קאָוואַרסקי — מחבר פון דעם מאָנומענטאַלן בילד „די פראָלעטאַריאַטשקעס" (מיטגלידער פון דער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע „פראָלעטאַריאַט"). אויפן וועג צום וואַלד האָבן אים די געסטאַפאָ־לײַט געכאַפט און פאַרפייניקט אויף טויט.

דער מאָלער יאַנוש טרעפלער איז אין סעפטעמבער 1939 אַוועקגעפאָרן פון וואַרשע קיין לעמבערג. ער איז געווען אין דער מאָלערײַ אַ ראָמאַנטיקער און דערצו מיט אַ סך קולטור. אין די לעצטע יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה איז ער געווען אָנגעשטעלט אַלס קונסט־אויפזעער אין מוזעום אויפן נאָמען פון בערסאָנען אין וואַרשע און זײַן אויפגאַבע איז אויך געווען צו רעאָרגאַניזירן דאָס מוזעום. אין לעמבערג האָט טרעפלער אַ סך געאַרבעט. ער האָט געמאַכט פאָרטרעטן פאַר אינסטיטוציעס און מ'האָט אים אָנערקענט פאַר אַ גרויסן מאָלער. אין יוני 1941 האָט ער שוין

נישט באַוויזן צו אַנטלויפן ווײַטער אויף מזרח און האָט באַשלאָסן אומצוקערן זיך קיין וואַרשע. דאָרט האָט ער זיך באַוויזן אויסצובאַהאַלטן אויף זשאָליבאָזש, אין דער וווינונג פון אַ פּוילישן געלערנטן. אין דער צײַט פון ווידערשטאַנד האָט טרעפּלער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער באַוועגונג און איז אומגעקומען מיט געווער אין האַנט, אין קאַמף קעגן די נאַצישע מערדערס.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט האָבן די מיינסטע ייִדישע פּלאַסטיקערס וואָס האָבן זיך געראַטעוועט בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע, צו פאַרדאַנקען זייער רעטונג זייערע קריסטלעכע קאָלעגן. אַזוי האָט דער קינסטלער יאַנוש סטשעלעצקי, ווען ער איז געוואָר געוואָרן אַז זײַן חבר אַרטור נאַכט געפינט זיך אין יאַנאָווער לאַגער בײַ לעמבערג, געטאָן אַלץ וואָס עס איז מעגלעך געווען אַרויסצוראַטעווען אים פון טויט. מיט איינעם פון זײַנע קאָלעגן איז ער פון וואַרשע אָפּגעפאָרן קיין לעמבערג און נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין שום שוועריקייטן האָט ער צו לעצט באַוויזן אַרויסצורײַסן נאַכטן פון לאַגער. אַרטור נאַכט האָט באַקומען אַרישע פּאַפּירן און געקענט מיט זײַנע קאָלעגן זיך אומקערן קיין וואַרשע. אויך נאַכטס שוועסטער און פאָטער האָבן זיך געפונען אין זעלבן לאַגער און צוליב זיי איז געקומען פון וואַרשע די פרוי פון באַוווּסטן וואַרשעווער מאָלער וואָנסאָוויטש און ס'איז אויך זיי געלונגען אַרויסצוראַטעווען.

צו דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע צו הילף די ייִדן האָבן געהערט די פרויען פון צוויי באַקאַנטע פּוילישע קינסטלערס: די שוין דערמאָנטע וואָנסאָוויטש און יוזעפאַ וונוך. צו זיי קומט נאָך צו וואַנדאַ וואַלישעווסקאַ. די דאָזיקע פרויען האָבן נישט נאָר געפונען באַהעלטענישן פאַר די ייִדישע קינסטלערס, נאָר אויך געגעבן הילף זייערע משפחות. אַ דאַנק זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן קאַראָל פערסטער און הענריק סטרענג. דער קינסטלער אַווגעניוש אַרצט האָט געראַטעוועט די ייִדישע מאָלערין גיזעלאַ הופנאַגעל. דער קונסט־היסטאָריקער סטאַניסלאַוו הערבסט האָט די גאַנצע צײַט געזאָרגט פאַר זײַן ייִדישן קאָלעגע שמעון זײַטשיק. ווי לאַנג מ'האָט נאָך געקענט האָט הערבסט באַזוכט זײַטשיקן אין וואַרשעווער געטאָ און האָט אים אויפגעהאַלטן נישט נאָר מאַטעריעל, נאָר אויך מאָראַליש. אין די גרויליקע טעג פון די „אויסזידלונגען" האָט ער באַוויזן אַרויסצופירן זײַטשיקן פון געטאָ און אים אויסבאַהאַלטן אין דער וווינונג פון זײַן מוטער. שפּעטער איז הערבסטן אויך געלונגען אַרויסצורײַסן פון געטאָ זײַטשיקס פרוי און טאָכטער. די פּוילישע קונסט־היסטאָריקערס האָבן נישט נאָר געפונען באַהעלטענישן פאַר זײַטשיקס משפחה, נאָר אויך זי אויסגעהאַלטן די גאַנצע צײַט. צוליב אייגענער אומפאָרזיכטיקייט איז שמעון זײַטשיק אומגעקומען אין 1944, אָבער זײַן פרוי און טאָכטער האָבן איבערגעלעבט די אָקופּאַציע.



ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — געצייכנט פון קלמן גלעב

נחמן מײזיל — ניו־יאָרק

ד״ר עמאַנועל רינגעלבלום

.1

א הויכער, אַ שלאַנקער, מיט אַ העלן ראָזיקן, גוטמוטיקן און שטענדיק־שמייכלענדיקן פּנים, תּמיד אַ פֿאַרנומענער, מיט אַ שווערער פֿולגעפּאַקטער „טעקע", וווּ ס׳ליגן דאָקומענטן, מאַטעריאַלן, קאָרעקטורן, באַריכטן, „קאָמפּאָזיציעס" פֿון שילערס; קומט אַ פֿאַרסאָפּעטער פֿון קורסן, פֿון גימנאַזיע־קלאַסן און אײַלט ווידער צו זיצונגען, פֿאַרזאַמלונגען, און דערבײַ — אַלע מאָל אויפֿגעלייגט און פֿריידיק־לעבעדיק, — אַזאַ איז געווען ד״ר עמנואל רינגעלבלום, אַזאַ האָב איך אים געקענט די אַלע 16 יאָר פֿון מײַן זײַן אין וואַרשע, וווּ איך האָב זיך מיט אים אָפֿט געטראָפֿן בײַ די פֿאַרשידענערליי געמיינזאַמע קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייט אויף די זיצונגען און באַראַטונגען, ווי אויך אויף גרעסערע עפֿנטלעכע צונויפֿקומס. אַ שלל מיט ענערגיע האָט געשלאָגן פֿון אים און נישט געקוקט אויף דער איבערלאָדנקייט פֿון אַרבעטן און פֿליכטן, ווי אַ תּלמיד און ווי אַ לערער, איז ער שטענדיק גרייט געווען צו נעמען אויף זיך נאָך אויפֿגאַבעס און שליחותן, וואָס ער האָט פֿלײַסיק אויסגעפֿירט.

ער איז אומעטום, צווישן די ייִדיש־פּויִלישע היסטאָריקערס, — פּראָפֿ׳ משה שאָר, ע. נ. פֿרענק, פּראָפֿ׳ מ. באַלאַבאַן, ד״ר י. שיפּער; צווישן די ייִוואָ־פֿירערס — ד״ר מ. זילבערפֿאַרב, י. יאַשונסקי, נח פּרילוצקי, יצחק גיטערמאַן און איך; צווישן די לינקע פּועלי־ציון־טוערס — זרובבל, נ. בוקסבוים, ש. זאַגאַן, ד״ר אײַזענשטאַט — אומעטום איז ער געווען דער יונגער, דער ייִנגסטער. אַזוי האָט מען אים באַטראַכט און אים געהאַלטן — פֿאַר אַ גאָר־געראָטענעם „נאָכוווּקס". האָט ער טאַקע געהערט צו די „בני נביאים", צו די יונגע נביאים און די „פּרחי כּהונה", צו די יונגע כּהונה־בליִעכצן. און ווען ער איז שוין אַליין געווען דער מחבר פֿון וואָגיקע, וויכטיקע ווערק, האָט ער זיך אַלץ געהאַלטן פֿאַר אַ תּלמיד, פֿאַר אַ חסיד פֿון זײַנע לערערס און רביים — הגם אין אייניקע עיקרים איז ער אַוועק פֿון זײַנע לערערס און איז שוין געווען מחולק מיט זיי. ער האָט אַלע יאָרן געאַרבעט צווישן דער יוגנט, דער אַרבעטנדיקער און דער שטודירנדיקער, אַקאַדעמישער יוגנט. ער האָט מיטגעאַרבעט און מיטגעהאָלפֿן צו רעדאַקטירן די יוגנט־אָרגאַנען פֿון די לינקע פּועלי־ציון „יוגנט־פֿאָן", „דער נײַער דור", „פֿרײַע יוגנט" און געווען צווישן די באַליבטע פֿיגורן אין לינקן פּועלי־ציוניסטישן קרײַז „יוגנט". ער איז געווען דערנאָך דער הויפּט־אָרגאַניזירער פֿון „יונגן היסטאָריקער". און אומעטום וווּ ער איז געווען אַקטיוו באַטייליקט, איז ער מיטגעריסן געוואָרן פֿון דער אַרבעט און האָט אינספּירירט אויך אַנדערע, עלטערע ווי יונגע, און סטימולירט זיי צו אַקטיוויטעטן.

ער האָט שטענדיק געהאַט פּלענער און נישט מיד געוואָרן זיי צו רעאַליזירן. און נישט געקוקט אויף די אַלערליי שוועריקייטן, האָט ער נישט פֿאַרלוירן זײַן גוטמוטיקייט און לוסטיקייט, און דערצו קיין מאָל נישט „געבלאָזן פֿון זיך". ער איז געווען אַ „נוח לבריות", אַ גרינגער מענטש, אַ „נאַשבראַט", וואָס איז קיין מאָל נישט „פֿויל אויף אַ גאַנג".

זײַן נאָענטער פֿרײַנד און חבר ד״ר רפֿאל מאַהלער זאָגט וועגן אים („ייִוואָ־בלעטער", 1944, נ׳ 2): „אין זײַן געזעלשאַפֿטלעכער, פּונקט ווי אין זײַן וויסנשאַפֿטלעכער אַרבעט, האָט ער תּמיד געשפּראָצט מיט נײַע אײַנפֿאַלן און פּראָיעקטן. אַ דאַנק זײַן ענערגיע און אָפּטימיזם איז ער קיין מאָל נישט דערדריקט געוואָרן פֿון דער משא פֿון כּל המינים פּראָפֿעסיאָנעלע און געזעלשאַפֿטלעכע פֿליכטן; עס איז געווען אַ הנאה צו קוקן אויף דער שיינער געשטאַלט פֿון בלאָנדן יונגן־מאַן, אַ הויכן און גלײַכן ווי אַ סטרונע, מיט אַ פֿײַן געשניצטן מענלעכן פּנים און לאַכנדיקע בלויע אויגן" (ז׳ 310).

ערגעץ בײַ שלום־עליכמען איז דאָ אַן אויסדרוק וועגן אַ ליבן מענטשן, אַז זײַן גאַנצער אויסזען האָט געמאָנט: „האָב מיך ליב!", — און מ׳האָט טאַקע אים ליב געהאַט, רינגעלבלומען, ווי ער האָט ליב געהאַט מענטשן.

ער האָט זיך לחלוטין נישט גערעכנט מיט אַרומיקע שוועריקייטן און פֿאַרבאָטן. נישט געקוקט אויף די פֿאַראָרדענונגען פֿון דער פּוילישער שולמאַכט, אַז לערערס פֿון גימנאַזיעס זאָלן זיך נישט באַטייליקן אין פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטלעכע אַרויסטריטן און אָרגאַניזאַציעס, האָט ד״ר רינגעלבלום עפֿנטלעך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די אַנטיפֿאַשיסטישע טעטיקייטן פֿון די פֿאַרשידענע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס אין פּוילן. ער איז אויך געווען פֿון די טרײַע, איבערגעגעבנסטע טוערס און פֿירערס פֿונעם ייִדישן קולטורפֿראָנט אין פּוילן — די קולטור־באַוועגונג, וואָס איז אַרויסגעוואָקסן פֿון דער אַלגעמיינער גרויסער פֿאָלקספֿראָנט־באַוועגונג ערב דעם צווייטן וועלטקריג, — די באַוועגונג, וואָס איז שטאַרק באַקעמפֿט געוואָרן מצד דער פּוילישער מלוכה און רעכטע סאָציאַליסטן. אויך אין דער ייִדישער קולטורפֿראָנט־באַוועגונג אין פּוילן האָט ע. רינגעלבלום אַרײַנגעבראַכט זײַן גאָרן אָפּטימיזם און אומדערשראָקענעם קאַמפּסוויל. ער איז געווען איינער פֿון די באַגײַסטערטע אָנהענגערס פֿונעם אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז (סעפּטעמבער 1937).

די אַלע, וואָס האָבן גוט געקענט און ענג מיטגעאַרבעט מיט ד״ר ע. רינגעלבלום אין די פֿאַרשידענע פֿאַראַנטוואָרטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס אין פּוילן, האָבן זיך נישט געוווּנדערט, ווען ס׳איז צו זיי דערגאַנגען וואָס ווײַטער אַלץ מער אויספֿירלעכע ידיעות וועגן דער פֿירנדיקער און מסירת־נפשדיקער ראָלע פֿון ד״ר ע. רינגעלבלום אין דער וואַרשעווער געטאָ. אַזאַ איז ע. רינגעלבלום געווען און אַזאַ איז ער פֿאַרבליבן אויף זײַנע פּאָסטנס אין די מוראַדיקסטע באַדינגונגען פֿון דער דײַטש־נאַצישער אָקופּאַציע אין פּוילן, און אין וואַרשעווער געטאָ.

2.

ד״ר עמנואל רינגעלבלום איז איצט באַוווּסט דעם ברייטן ייִדישן עולם אַ דאַנק זײַנע „נאָטיצן פֿון וואַרשעווער געטאָ”, וואָס ער האָט געשריבן אין דער וואַרשעווער געטאָ זינט אָקטאָבער 1939 בײַ די מוראַדיקסטע און געפֿערלעכסטע באַדינגונגען, ביז די לעצטע טעג פֿון זײַן יונג לעבן; די נאָטיצן, וואָס זענען אויסגעגראָבן געוואָרן פֿון אונטער די חורבות פֿון דער צעשטערטער וואַרשעווער געטאָ (זיי זענען אַפֿריער פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן פֿראַגמענטנווײַז און אין 1952 זענען זיי דערשינען אין וואַרשע אין אַ בוכפֿאָרעם, פֿאַרלאַג „ייִדיש בוך”, 352 זז׳).

און, הגם עמנואל רינגעלבלום איז בעת זײַן אומקומען (צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי יהודית און זײַן דרײַצניאָריקן זון אורילע) אַלט געווען קוים 44 יאָר, האָט ער בײַ זייער שווערע לעבנס־באַדינגונגען באַוויזן זייער פֿיל אויפֿצוטאָן ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער, ווי אַן אָרגאַניזאַטאָר און בעיקר ווי אַ וויכטיקער היסטאָריקער־פֿאָרשער. זײַנע פֿאַרשידענע געשיכטלעכע אַרבעטן, געבויט אויף אַרכיוואַלישע קוואַלן, זענען פֿון גרויסן באַטײַט פֿאַר דער געשיכטע פֿון ייִדן אין פּוילן.

ד״ר רפאל מאַהלער (אין דער דערמאָנטער אָפּהאַנדלונג „ייִוואָ־בלעטער”, 1944 זז׳ 307-317) גיט אַ גענוי בילד פֿון ע. רינגעלבלום דעם מענטש און פֿאָרשער. ער ברענגט פּרטים צו זײַן ביאָגראַפֿיע און ער שטעלט זיך אָפּ אויף ע. רינגעלבלומס טעטיקייטן. אויך ד״ר י. שאַצקי (אין זײַן ביאָגראַפֿישער הקדמה „מנחם בן פּײַוויש רינגעלבלום”, צום ערשט־דערשינענעם בוך „קאַפּיטלען געשיכטע פֿון אַמאָליקן ייִדישן לעבן אין פּוילן”, בוענאָס־איירעס, 1953) ברענגט מאַטעריאַלן וועגן דעם לעבן און די טעטיקייטן פֿון דעם פֿאָרשער־מאַרטירער.

ע. רינגעלבלום איז געווען אַן ענטוזיאַסט, אַזוי אין לעבן און אַזוי אויך אין זײַנע פֿאָרשונגס־אַרבעטן. אַ שטאַרקער פֿאַרערער פֿון די עלטערע ייִדישע היסטאָריקערס, איז ער באַזונדערס באַגײַסטערט געוואָרן פֿון יעדן נײַעם פּרוּוו, פֿון יעדן נײַעם אויפֿטו אויפֿן געשיכטלעכן געביט. מיט יוגנטלעכער התלהבות האָט ער נאָכגעפֿאָלגט און באַגריסט יעדן פֿאַרמעסט אויף דעם געביט פֿון געשיכטע־פֿאָרשונג. אַ גרופּע ייִדישע פֿאָלקסלערערס אינעם שטעטל פּרוזשענע (ג. אורינסקי, מ. וואָלאַנסקי — דאָס איז דער בוענאָס־אײַרעסער איקוף־טוער מאיר וואָלאַנסקי — י. צוקערמאַן) איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אַ מאָנאָגראַפֿיע פֿון זייער שטעטל („פּנקס פֿון דער שטאָט פּרוזשענע”). האָט ד״ר ע. רינגעלבלום פֿאַרעפֿנטלעכט אַ באַגײַסטערטן אַרטיקל „אַן אינטערעסאַנטער אָנהייב” („ליטעראַרישע בלעטער”, 1931, ננ׳ 27, 28), וווּ ער מאַכט אויך וויכטיקע באַמערקונגען וועגן געשיכטע־פֿאָרשונגען אַ מאָל און איצט: דער ייִדישער היסטאָריקער האָט אַ מאָל „געמוזט שעפּן פֿון דעם איינציקן איצט צוטריטלעכן מקור — פֿון די עפֿנטלעכע מלוכישע אַקטן, וואָס זענען אויפֿגעהיט אין די מלוכה־אַרכיוון. דעריבער טראָגן די ביזאיצטיקע פֿאָרשונגען איבער דער געשיכטע פֿון די ייִדן אַן איינזײַטיקן כאַראַקטער, זיי באַריכטיקן דער עיקר די אויסערלעכע געשיכטע פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג און באַקענען אונדז ווייניקער מיטן אינערלעכן לעבן פֿון די ייִדן, מיט דעם פּאַרצײַטיקן לעבנס־שטייגער, מיט די אַמאָליקע מנהגים און געוווינהייטן, וכדומה”.

אין די דאָזיקע עטלעכע שורות זעען מיר דעם נײַעם פֿאָרשמעטאָד און די נײַע כאַראַקטער־שטריכן פֿון די יונגע ייִדישע היסטאָריקערס אין פּוילן, וואָס ע. רינגעלבלום איז געווען איינער פֿון זייערע ערשטע און וויכטיקסטע פֿירזאָגער. ער מאַכט אַן אינטערעסאַנטן פֿאַרגלײַך צווישן די פֿריִערדיקע היסטאָריקערס מיט די לעצטע, נײַע. די אַמאָליקע „אַלטפֿאָרשנדיקע היסטאָריקערס האָבן באַנומען געשיכטע אויף אַן אַלטן שטייגער. זיי פֿלעגן זיך באַגרענעצן מיט אויסלערנען די ביאָגראַפֿיעס פֿון רבנים און אַנדערע גדולי־הדור, צו עטלעכע אויסצוגן פֿון די אַלטע פּנקסים, וועלכע זענען פֿאַרבליבן אין דער געגעבענער שטאָט, צו עטלעכע לעגענדעס, וועלכע זיי פֿלעגן נישט־קריטיש איבערחזרן — און ס׳איז פֿאַרטיק אַ מאָנאָגראַפֿיע פֿון אַ שטאָט. צו דעם מין געהערן: פֿרידנשטיין — „עיר גבורים” (הורודנא), ווילנע, תרמ״א; פֿיינשטיין — „עיר תהלה” (בריסק), וואַרשע, תרמ״א; ח. ל. מרגליות — „דובנא רבתי”, וואַרשע, 1910, און פֿיל אַנדערע”... די מאָדערנע היסטאָריקערס „האָבן אַן ערנסטן, וויסנשאַפֿטלעכן צוגאַנג”. ד״ר ע. רינגעלבלום רעכנט אויס: פּראָפֿ׳ מ. באַלאַבאַן מיט זײַן מאָנאָגראַפֿיע פֿון די קראָקעווער ייִדן, זײַן ווערק איבער דער געשיכטע פֿון די לעמבערגער ייִדן; מ. שאָר מיט זײַן מאָנאָגראַפֿיע פֿון די ייִדן אין פּשעמישל; ד״ר י. שיפּער וועגן די ייִדן אין טאָרנע. ער דערמאָנט דערבײַ אויך זיך און זײַן ווערק וועגן די ייִדן אין וואַרשע ביז צום יאָר 1527 אאַז״וו. ע. רינגעלבלום איז נישט צופֿרידן „מיטן ערשטן מין מאָנאָגראַפֿיעס”, וווּ „די מחברים זענען אויסן געווען צו פֿאַרציילן גדולות וועגן די רביים, רבנים, וועגן זייערע מופֿתים און מעשים טובים”, און ער לויבט „די צווייטע קאַטעגאָריע מאָנאָגראַפֿיעס”, וואָס זייער מעלה איז, וואָס „זיי האָבן אָנגעווענדט וויסנשאַפֿטלעכע מעטאָדן פֿון אַרבעט, באַצויגן זיך קריטיש צו די מקורים און — דעריבער — אַרומגענומען אַלע זײַטן פֿון לעבן” (ז׳ 518).

ווען ס׳איז אַרויס ד״ר ע. רינגעלבלומס ווערק „ייִדן אין וואַרשע” (פֿון די אַמאָליקע צײַטן ביזן יאָר 1527, אַפּריִער אין פּויליש), האָט ד״ר מאַהלער הייס באַגריסט דאָס ווערק (ע. רינגעלבלום איז דאַן אַלט געווען קוים 32 יאָר). „עס איז נישט בלויז צוגעקומען נאָך אַ מאָנאָגראַפֿיע, עס איז צוגעקומען אַ וויכטיקער צושטײַער צו דער געשיכטע פֿון ייִדן אין פּוילן”, — האָט מאַהלער געשריבן („ליט׳ בלעטער”, 1932, נ׳ 40). ד״ר ר. מאַהלער פֿאַרענדיקט זײַן אָפּרוף וועגן ד״ר ע. רינגעלבלומס ערשטלינגווערק: „בדרך כלל פֿאַראייניקט די אַרבעט פֿון ע. רינגעלבלום ביידע מעלות, וועלכע עס פֿאָדערן זיך פֿון אַ היסטאָרישן בוך: סײַ וויסנשאַפֿטלעכע פּינקטלעכקייט, סײַ אַ פֿליסיקן, דערציילערישן סטיל” (זז׳ 631-632).

אַזוי האָט ד״ר ר. מאַהלער געשריבן אין 1932, און מיט אַ 12 יאָר שפּעטער, אונטערפֿירנדיק דעם טרויעריקן סך־הכל פֿונעם יונג־פֿאַרשניטענעם ע. רינגעלבלום, האָט ד״ר ר. מאַהלער געשריבן אַז ער, רינגעלבלום, „האָט רעפּרעזענטירט דאָס שענסטע און בעסטע פֿון דעם ייִנגסטן דור ייִדישע היסטאָריקערס אין פּוילן... אַ תלמיד ותיק (אַ טרײַער תלמיד — נ. מ.) פֿון יצחק שיפּער אין מעטאָדן פֿון פֿאָרשן געשיכטע, האָט ער אויך דערמאָנט זײַן אויסגעצייכנטן לערער אין זײַן לעבנסוועג, ווי אַ געזעלשאַפֿטלעכער טוער

און פאָליטישער קעמפער. מיט באַלאַבאַנען האָט אים פאַראייניקט נישט בלויז די אַליינבאַגרענעצונג אויסשליסלעך צו געשיכטע פון ייִדן אין פוילן, נאָר אויך די נטיה אויסצופאָרשן יעדן ענין לויט אַרכיוואַלישע מקורים, און דער מאָנאָגראַפישער אופן פון באַהאַנדלען היסטאָרישע פראַגעס" (זז' 307).

ע. רינגעלבלום איז אין זייַנע פאָרשונגסווערק אַוועק ווייַטער פון זייַנע לערערס. אין זייַן טיפער פאַרערונג און דאַנקבאַרקייט צו פראָפ' מ. באַלאַבאַן און צו ד"ר י. שיפער, האָט ער פאַרזען זייערע פעלערן און זעלטן ווען זיי באַטאָנט, נישט בעל־פה און נישט בכתב.

3.

אין אַן אַרטיקל „אַ נייַער צושטייַער”, וואָס ע. רינגעלבלום האָט פאַרעפנטלעכט אין 1938 („ליטעראַרישע בלעטער”, דעם 27טן מייַ, נ' 22) וועגן דעם צווייטן באַנד „בלעטער פאַר געשיכטע” (וואַרשע, 1938, 176 זז') האָבן מיר אייניקע באַמערקונגען וועגן די יונגע ייִדישע היסטאָריקערס אין פוילן, וואָס כאַראַקטעריזירן אויך ד"ר ע. רינגעלבלומען ווי אַ היסטאָריקער. ער גיט צו אַ קורצע באַשרייַבונג פון דעם וועג, וואָס די יונגע היסטאָריקערס האָבן אַדורכגעמאַכט, און ער שרייַבט: „זינט 1923 איז אין וואַרשע טעטיק אַ קרייַז פון יונגע היסטאָריקערס, וואָס האָבן זיך לכתחילה גרופירט אַרום דער ייִדישער אַקאַדעמישער היים און נאָכן אַנטשטיין פון ייִוואָ, האָבן זיי זיך אָן אים אָנגעשלאָסן”.

ע. רינגעלבלום איז אַזוי באַשיידן, אַז ער מייַדט אויס צו דערציילן, אַז ער איז געווען דער הויפט־איניציאַטאָר פון אָט דעם קרייַז, וואָס האָט געאַרבעט אונטער דער אָנפירערשאַפט פון די באַוווסטע ייִדישע היסטאָריקערס פראָפ' מאיר באַלאַבאַן און ד"ר יצחק שיפער(די בײדע עלטערע היסטאָריקערס, ווי זייער ייִנגערער תלמיד־חבר, זענען אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ).

ע. רינגעלבלום דערציילט: „דער דאָזיקער קרייַז האָט נאָך אין 1926 אַרויסגעגעבן דעם „יונגן היסטאָריקער”, ווו ס'האָבן צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט זייערע אַרבעטן אייניקע וויסנשאַפטלערס פון ייִנגערן דור”. אגב אין דעם „יונגן היסטאָריקער” האָט דער 26יאָריקער רינגעלבלום אָפגעדרוקט טיילן פון זייַן דאָקטאָר־דיסערטאַציע „די געשיכטע פון די ייִדן אין וואַרשע ביזן יאָר 1527”, וואָס ער האָט געשריבן אויפן סמך פון אַרכיוואַלישע מאַטעריאַלן, און פאַר וועלכער ער האָט אין 1926 באַקומען די פרעמיע פון דער וואַרשעווער קהילה (זע ז. רייזענס „לעקסיקאָן”, ב' 4, ז' 397).

„מיט דער צייַט, — זאָגט ווייַטער ע. רינגעלבלום — ווען די „יונגע” זענען געוואָרן עלטער, האָט אויך דער „יונגער היסטאָריקער” (פון וועלכן עס זענען דערשינען צוויי נומערן) געביטן זייַן נאָמען אויף „בלעטער פאַר דער געשיכטע”. געטרייַ דער טראַדיציע פון די פריִערדיקע בענדער, זענען אינעם צווייטן באַנד „בלעטער” פאַרעפנטלעכט אַרבעטן פון יונגע היסטאָריקערס, ווו זיי דרוקן צום ערשטן מאָל פראַגמענטן פון זייערע אַרבעטן. עס דעביוטירן אין דעם איצטיקן באַנד „בלעטער” די מאַגיסטערס מ. קרעמער, א. אייַזענבאַך און מ. ראָזענבלאַט, פונקט ווי עס האָבן אין די פריִערדיקע בענדער דעביוטירט ל. צאָמבער, ש. טרונק, ר. מאַהלער, א. טענענבוים, י. בערמאַן, ל. פעלדמאַן און ע. רינגעלבלום”... „די טראַדיציע פון דעם אַמאָליקן „יונגן היסטאָריקער” ווערט אויך אָפגעהיט אין אַן אַנדערן פרט”. ע. רינגעלבלום כאַראַקטעריזירט אַזוי אָט די „טראַדיציע”: „...די טעמעס, וואָס ווערן באַרירט אין די פאַרעפנטלעכטע אַרבעטן, זענען צונויפגעבונדן מיט דער ווירקלעכקייט פון די ייִדן אין פוילן. זיי פרוון געבן אַן ענטפער אויף פראָבלעמען און פראַגעס פון דעם איצטיקן ייִדישן לעבן אין פוילן... געשיכטע איז פאַר זיי אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע אויפגאַבע”.

דער נייער צוגאַנג פון די יונגע ייִדישע היסטאָריקערס צו געשיכטע איז — „דער ברייטער פאַרנעם, מיט וועלכן זיי טרעטן צו (צו) די געשיכטלעכע פראָבלעמען”. „דאָס, — שרייַבט ע. רינגעלבלום, — זענען נישט די „באַרימטע” מאַגיסטערישע אַרבעטן, בייַ וועלכע די יונגע סטודענטן באַמיִען זיך מיט וואָס אַ קירצערן צייַט־פאַרלוסט צו דערגרייכן וואָס גיכער דעם מאַגיסטער־דיפלאָם. דאָ האָבן מיר פאַר זיך יונגע וויסנשאַפטלערס, וואָס יעדער פון זיי האָט זיך געשטעלט ממש לעבנס־אויפגאַבעס.” ע. רינגעלבלום רעדט וועגן די שוועריקייטן פון די יונגע ייִדישע היסטאָריקערס: „בייַ די אומות העולם האָבן יונגע וויסנשאַפטלערס פאַרשידענע וועגן אַרויפצואַרבעטן זיך און דערגרייכן אַ געוויסע, וויסנשאַפטלעכע מדרגה”, אָבער פון „אונדזערע יונגע וויסנשאַפטלערס וועט קיין איינער נישט מאַכן קיין אוניווערסיטעט־קאַריערע, קיין איינער פון זיי וועט נישט באַקומען קיין שטעלע אין קיין וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוציע, און דאָך זענען מיר איבערצייַגט, אַז יעדער פון די יונגע מחברים, וואָס דעביוטירט אין די „בלעטער”, וועט לויט זייַנע כוחות און מעגלעכקייטן ווייַטער פירן די אויספאָרשונגען, וואָס ער האָט זיך לכתחילה אָנגעצייכנט”... (ז' 368).

אַזוי האָט געשריבן ד"ר ע. רינגעלבלום אין מייַ 1938. ער האָט זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז דאָס קומענדיקע יאָר אויגוסט 1939 וועלן די נאַציס פאַרכאַפן פוילן און צוטרעטן אומצוברענגען דאָס ייִדישע פאָלק צוזאַמען מיט זייַנע וויסנשאַפטלער־היסטאָריקערס אויף דעם נישט־געדאַכטן ברוטאַלסטן און גרויזאַמסטן אופן.

אגב, פון די דערמאָנטע יונגע ייִדישע היסטאָריקערס זענען בלויז עטלעכע פאַרבליבן צווישן די לעבעדיקע. די איבעריקע זענען גרויזאַם און טראַגיש אומגעקומען.

4.

שוין פון דעם ערשטן מאָמענט, ווען וואַרשע האָט זיך נאָך פאַרטיידיקט קעגן דעם דייַטשן אָנגריף, האָט ד"ר ע. רינגעלבלום זיך אייַנגעשפאַנט אין דער הילפס אַרבעט פאַר די נויטבאַדערפטיקטע. ער האָט זיך נישט געלאָזט מיטרייַסן מיט דער אַלגעמיינער פאַניק און איז געבליבן שטיין אומדערשראָקן אויף זייַן פאָסטן. עס דערציילט יאָנאַס טורקאָוו (אין זייַן בוך „אַזוי איז עס געווען — חורבן וואַרשע”, בוענאָס־אַיירעס, 1948): „איך גיי אַרויס אין שטאָט. כ'באַגעגן מייַן פרייַנד ד"ר ע. רינגעלבלום. ער דערציילט מיר, אַז עס גרינדעט זיך אין וואַרשע אַ געזעלשאַפטלעכער הילפס־קאָמיטעט, און ער לאַדט מיך אייַן מיטצואַרבעטן”... (ז' 30). אינעם קאָמיטעט האָבן זיך באַטייליקט אָנגעזעענע טוערס, פון פאַרשידענע ריכטונגען, און די אַרבעט, צוליב די גרויסע נויטן, האָט זיך שנעל און ראַשיק פונאַנדערגעוואָקסן. מיט דעם פונאַנדערוווקס פון דער אַרבעט און מיט די געפאַרן, וואָס האָבן זיך געמערט, איז די אחריות פון די הויפטטוערס אַלץ געשטיגן. „איינער פון די גרעסטע אויפטוען אין דער ייִדישער וואַרשע און איבער הויפט אין געטאָ איז געווען דאָס שאַפן די ייִדישע הויז־קאָמיטעטן”... דער „פראָיעקט איז דורך ד"ר רינגעלבלום, לייטער פון געזעלשאַפטלעכן סעקטאָר, אויסגעברייטערט געוואָרן און גענוי אין אַלע פרטים באַאַרבעט געוואָרן” (י. טורקאָוו, ז' 69). נאָך די מוראדיקע באָמבאַרדירונגען פון וואַרשע, ווען גאַנצע גאַסן מיט זייערע הייַזער זענען

חרוב געוואָרן ,און טויזנטער ייִדן זענען פאַרשיט געוואָרן אונטער די חורבות, „האָבן די מיטאַרבעטערס פון דער קאָאָרדיניר־קאָמיסיע (שפּעטער — געזעלשאַפט פאַר אַליינהילף), לויט דער איניציאַטיוו פון ד"ר ע. רינגעלבלום, אַוועקגעלאָזט זיך איבער דער ייִדישער געגנט, פון הויף צו הויף, פון חורבה צו חורבה און דורכגעפירט אַן אַנקעטע, וויפל מענטשן ס'זענען אין דעם געגעבענעם הויז, אָדער אין דער געגעבענער חורבה, פאַרשיט און דערהרגעט געוואָרן אאז"וו (ז' 71).

וועגן ד"ר רינגעלבלומס טעטיקייטן אין געטאָ גיט אָגב איבער ב. מאַרק. ער דערציילט, אַז „ד"ר ע. רינגעלבלום האָט געהאַלטן אין גרויסן זאַל פון יודאַיִסטישן אינסטיטוט אויף טלאָמאַצקע־גאַס אַ פאָרלעזונג אד"ט: „דאָס פּראָבלעם פון קידוש השם אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק"... (ז' 46). און ווייַטער: ד"ר רינגעלבלום, דער איניציאַטאָר פון דער ייִדישער קולטור־אָרגאַניזאַציע, איז געווען דער גרינדער פון אַ צווייטער גאָר וויכטיקער געהיימער אינסטיטוציע, — ער האָט געלייגט דעם גרונטשטיין צום צענטראַלן אַרכיוו פון געטאָ, ווו ס'זענען פאַרנאָטירט געוואָרן אַלע געשעענישן, אַלע פּורעניות, די גאַנצע גרויל־געשיכטע פון די פּוילישע ייִדן, און בעיקר — פון די וואַרשעווער ייִדן זינט סעפּטעמבער 1939. . . — — — דער באַוווּסטזייַן אַז דאָס איז איינער פון די וויכטיקסטע אויפטוען, וואָס דאַרף בלייַבן לדורות, איז אַ בולטער סימן, ווי שטאַרק עס איז געווען דער גלויבן אין געטאָ, אַז דאָס ייִדישע פאָלק וועט איבערלעבן די דייַטשע וואַנדאַלן און וועט אויסדויערן. . . אין דער שפּעטערדיקער אומקומצייַט האָט רינגעלבלום, פאָרויסשפּירנדיק די אָנקומענדיקע קאַטאַסטראָפע, באַגראָבן אין אַ באַשטימטן אָרט — אויף שוויענטאָיערסקע 34 און אויף נאָוואָליפּקי 68 — 17 אייַזערנע קאַסטנס מיט די ווערטפולסטע מאַטעריאַלן פון דעם צענטראַלן אַרכיוו" * (ב. מאַרק „אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ", לאָדזש, 1947, ז' 47).

ד"ר ע. רינגעלבלום איז געווען אין דער געטאָ שטענדיק אויף דער וואַך, און ער האָט גלייַך רעאַגירט אויף אומגליקן וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף די קעפּ פון ייִדן. אָט אַן עפּיזאָד פון יולי 1942:

„עס גיט איבער רחל אויערבאַך — שרייַבט ב. מאַרק — אַז דער „דזשאָינט"־דירעקטאָר יצחק גיטערמאַן און דער פירער פון געהיימען צענטראַלן אַרכיוו ד"ר עמנואל רינגעלבלום האָבן פון די פרייַנד פון דער אַרישער זייַט באַקומען אַ וואָרענונג, אַז עס קומט אַ קאַטאַסטראָפע. גיטערמאַן און רינגעלבלום זענען אַוועק מיט דער ידיעה צו א. טשערניאַקאָוו. דער פאָרזיצער פון יודענראַט האָט אָבער געענטפערט: ‚איך בין געווען בייַ אָוערסוואַלדן. ער האָט מיר דערקלערט, אַז קיין שום שלעכטס וועט נישט פּאַסירן!..." (ב. מאַרק — „אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ", 1947, ז' 84).

און אַזוי ווייַטער טרעפן מיר ע. רינגעלבלומען אויף פאַרשידענע פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס, ווו ער ווייַזט אַרויס איבערגעגעבנקייט און אומדערשראָקנקייט. מיר וועלן אויסרעכענען בלויז איינציקע פון זיי, ווי יאָנאַס טורקאָוו דערמאָנט זיי אין זייַן בוך. ד"ר ע. רינגעלבלום איז דער פאָרזיצער פונעם ראַט פון דער צענטראַלער אימפּרעזעס־קאָמיסיע (ז' 230); ער איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפירערס פון „ייִקאָר" (ייִדישע אונטערערדישע קולטור־אָרגאַניזאַציע), וואָס האָט געגרינדעט אַ נעץ פון שולן, קורסן, אָרגאַניזירט אַ פאָלקס־אוניווערסיטעט, געעפנט אַ גרויסע ייִדישע ביבליאָטעק, אַראַנזשירט רעפעראַטן, וויסנשאַפטלעכע לעקציעס, פאַרשידענע פאַראַנשטאַלטונגען אאַ"וו (ז' 249). שפּעטער אַרבעט שוין ע. רינגעלבלום, צוזאַמען מיט אַנדערע טוערס, אין דער סטאָלערייַ־שאָפּ פון האַלמאַן, אויף נאָוואָליפּקי 57. ער גייט אַריבער צו אַרבעטן אין „דער קריגס־אינדוסטריע", אין עקהייזערס שאָפּ... מיר באַגעגענען ע. רינגעלבלומען בייַ דער פאַרצווייפלטער אַרבעט צו ראַטעווען ייִדישע קינדער פון אומקום. „הייַנט איז געווען בייַ מיר ד"ר ע. רינגעלבלום. ער האָט גענעכטיקט בייַ מיר. מיר האָבן געהאַט גענוג צייַט צו רעדן וועגן דער אַקציע אָפּצוראַטעווען ייִדישע קינדער. מיר האָבן אָפּגערעדט צו טרעפן זיך מיט אים איבער מאָרגן בייַ אים אין שטוב. ער וועט זיך פאַרשטענדיקן אין משך פון מאָרגנדיקן טאָג מיט אַ פּאָר מענטשן... — — — צו דער באַשטימטער שעה בין איך געווען בייַ ד"ר רינגעלבלום אין שטוב. ליידער, זענען זייער ווייניק מענטשן געקומען... (י. טורקאָוו, ז' 370). ע. רינגעלבלום באַדאַרף אויך זייַן 10יאָריקן זון באַוואָרענען, מ'זאָל אים זען „אַריבערוואָרפן" אויף דער אַרישער זייַט פאַר אַ גרויסן אָפּצאָל. ס'רוקן זיך אַרויס פאַרשידענע שוועריקייטן. „מ'וויל נישט אָננעמען קיין קינדער מיט אַ „שלעכטן אויסזען"... מ'האָט צוריקגעוואָרפן ע. רינגעלבלומס זון (וואָס האָט דווקא אַ גוטן אויסזען, ד"ה נישט ענלעך צו אַ ייִד) מיטן מאָטיוו, אַז געמלטע ייִנגלעך האָט מען מורא צו האַלטן..." (ז' 372).

יאָנאַס טורקאָוו גיט אויך איבער דעם געמיינזאַמען סדר, וואָס די געזעלשאַפטלעכע טוערס פון דער אונטערערדישער באַוועגונג האָט באַשלאָסן צו פּראַווען אין טעבענס „שטעטל" אויף לעשנע־גאַס. דאָס איז געווען ערב דעם אויפשטאַנד פון דער וואַרשעווער געטאָ, אַפּריל 1943. „אין טעבענס ‚שטעטל' אויף לעשנע־גאַס — שרייַבט י. טורקאָוו — האָט זיך געקאָכט ווי אין אַ קעסל. עפּעס האָט געהאָנגען אין דער לופט. צוקומענדיק צום אָרט (לעשנע 54) האָב איך געטראָפן ד"ר ע. רינגעלבלום, וואָס איז שוין געקומען צום סדר־צוזאַמענטרעף פון דער אַרישער זייַט. ער איז געווען זייער נידערגעשלאָגן מחמת — ווי ער האָט געזאָגט — עס גרייטן זיך די דייַטשן צו היטלערס געבורטסטאָג (19טער אַפּריל) מאַכן אַ בלוטיקן פּסח. זיי האָבן בדעה — לויט די אינפאָרמאַציעס וואָס ד"ר רינגעלבלום האָט באַקומען אויף דער אַרישער זייַט — אַרויסצופירן

---

*) אַ גענויע באַשרייַבונג וועגן ד"ר ע. רינגעלבלומס אַרכיוו האָבן מיר אין דער גרעסערער אָפּהאַנדלונג פון נחמן בלומענטאַל, וואָס האָט געאַרבעט בייַם אַרכיוו. זי איז פאַרעפנטלעכט אין די העברעיִשע זאַמלונגען „דפים לחקר השואה והמרד" פון „בית לוחמי הגיטאות למורשת השואה והמרד ע"ש יצחק קאַצענעלסאָן" (בלעטער פאַר געשיכטע פון אומקום און אויפשטאַנד, וואָס סיגיט אַרויס דאָס הויז פון געטאָ־קעמפערס אויפן נאָמען פון יצחק קאַצענעלסאָן, אינעם פאַרלאַג פון „הקיבוץ המאוחד"), תל־ אביב, אַפּריל 1951, בי 1. אויסער דער גרעסערער גאַנץ־אויספירלעכער אָפּהאַנדלונג, געשריבן אין העברעיִש, וואָס האַלט גרויסע 18 זייַטן, האָבן מיר אויך אַ קיצור אין ייִדיש וועגן דעם רינגעלבלומס נאָטיצן, וואָס, ווי נ. בלומענטאַל שרייַבט — „האָבן (זיי) אַ ריזיקע באַדייַטונג פאַר דער געשיכטע־פאָרשונג פון דער צייַט... צו גלייַך זענען אויך די נאָטיצן דאָקומענטן פון מענטשלעכער גבורה", זיי „באַווייַזן, אַז דער מחבר האָט זיך נישט איינגעבראָכן אונטער דער לאַסט פון די גרויזאַמע פּאַסירונגען", און נישט געקוקט אויף דער „לעבנס־סכנה, וואָס האָט אויף אים געלויערט און וואָס דער מחבר האָט קלאָר באַנומען און געפילט, האָט ער נישט איבערגעריסן זייַן הייליקע עבודה פון זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע" (נחמן בלומענטאַל, ני 1, זי 225).

די יִדן פונעם אַזוי גערופענעם גרויסן געטאָ... מיר ווילן, אַלזאָ, האָבן אַ פאַרשטערטן פסח..." (זז' 510-509).

5.

פון גרויסן באַטייַט זענען די נאָטיצן פון ע. רינגעלבלום וועגן די הייליקע אויפגאַבעס און די פאַרצווייגטע טעטיקייטן פון דער גרופע „עונג־שבת", וואָס האָט אויף זיך גענומען די מסירת־נפשדיקע אַרבעט צו זאַמלען מאַטעריאַלן, ידיעות וועגן די געשעענישן און גרויזאַמקייטן אין די געטאָס, אין די לאַגערן. מיר האָבן דאָ, אַגב, אויך שטריכן צו דער רינגעלבלום־פערזענלעכקייט, צו זייַן חוש פאַר געשיכטע און צו זייַן פאַרשטאַנד און צום פאַרנעם פון דער אַרבעט. „עונג־שבת" — „דער דאָזיקער נאָמען נעמט זיך דערפון, וואָס די באַראַטונגען פון דער דאָזיקער (היסטאָריקערס) גרופע פלעגן פאָרקומען אין שבת — האָט מען די אינסטיטוציע, צוליב קאָנספּיראַטיווע טעמים, אָנגערופן ,עונג־שבת'... דעם ערשטן ציגל פאַרן אַרכיוו — שרייַבט ע. רינגעלבלום — האָב איך געלייגט אין אָקטאָבער 1939..." ער שילדערט די מוראדיקע שטימונג פון יענער צייַט אונטער די וואַקסנדיקע גרויל־רעפרעסיעס פונעם דייַטשן אָקופאַנט. ער דערציילט ווי ער האָט גענומען פאַרצייכענען אַלץ וואָס קומט פאָר. „איך בין צוגעטראָטן צו זאַמלען מאַטעריאַלן פון דער איצטיקער צייַט... צו מיר זענען דערגאַנגען ידיעות פון אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען מיט יִדן אין וואַרשע און אירע פאַרשטעט... דאָס אַלץ וואָס איך האָב זיך אין משך פון טאָג אָנגעהערט, האָב איך אין אָוונט פאַרנאָטירט און פאַרזען מיט מייַנע הערות. פון די דאָזיקע טאָג־טעגלעכע נאָטיצן האָט זיך אָנגעקליבן מיט דער צייַט אַ היפש בוך פון הונדערט געדיכט־אָנגעשריבענע זייַטן, וואָס גיט אַן אָפשפיגלונג פון יענער צייַט־תקופה..." ווייַטער גיט איבער ע. רינגעלבלום, אַז מייַ 1940 האָט ער „געהאַלטן פאַר צוועקמעסיק צו געבן דער דאָזיקער אַרבעט אַ געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער". ער האָט געמאַכט „אַ גוטן אויסוואַל פון מענטשן, און אַ דאַנק דעם איז די אַרבעט אַוועק אין דער געהעריקער ריכטונג און איז געפירט געוואָרן אין דעם אַנטשפרעכנדיקן פאַרנעם..." מיט דער צייַט איז מען דערגאַנגען צו אַ פלאַן, וואָס מ'האָט אָנגערופן „צוויי אַ האַלב יאָר", ווייַל „עס האָט געזאָלט געגעבן ווערן אַן איבערבליק און אַ סך־הכל פון יִדישן לעבן אין וואַרשע אין משך פון די צוויי אַ האַלב יאָר מלחמה... די אַרבעט איז פאַרמאָסטן געוואָרן אויף איבער 100 דרוקבויגן און האָט געזאָלט ווערן איינער פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן אין דער צייַט פון מלחמה" (ע. רינגעלבלום — „נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ", זז' 321-317).

אין אָט דער אינטערעסאַנטער און אויפשווידערנדיקער שילדערונג פון דער הייליקער עבודה פון דער „עונג־שבת"־גרופע — אין וועלכער ער גופא איז געווען דאָס האַרץ, די נשמה און דער קאָפ — גיט איבער ע. רינגעלבלום פרטים וועגן פאַרשידענע מאָמענטן פון דער אַרבעט, וועגן די אויסערלעכע און אינעווייניקסטע באַדינגונגען, ווי די אַרבעט איז געפירט געוואָרן, וועגן די פאַרשידענע מיטגלידער וואָס האָבן זיך מיט לייַב און לעבן און מיט מסירת־נפש באַטייליקט אין דער אַרבעט... דערווייַל איז אַ „נייַ אומגליק אַראָפגעפאַלן אויף די קעפ פון די וואַרשעווער יִדן — אַן אומגליק וואָס האָט אונדז געקאָסט 300.000 קרבנות — די אויסזידלונג" (ז' 322). ע. רינגעלבלום באַהערשט זיך, מוטיקט זיך, ווי ער מוטיקט זייַנע חברים־מיטבאַטייליקטע אין דער עבודת־הקודש. „די עונג־שבת־אַרבעט — שרייַבט ער — איז ווי דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע און ווירטשאַפטלעכע לעבן איבערגעריסן געוואָרן. בלויז געציילטע חברים האָבן אין יענע אומגליקלעכע טעג געהאַלטן די פען אין דער האַנט און ווייַטער געשריבן וועגן דעם וואָס קומט פאָר אין וואַרשע. צו הייליק איז אָבער געווען די אַרבעט, צו שטאַרק איז זי געווען אייַנגעבאַקן אין די הערצער פון די עונג־שבת־מיטאַרבעטערס, צו אַ וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע פונקציע האָט געשפילט עונג־שבת, אַז די דאָזיקע אַרבעט זאָל אָפגעשטעלט ווערן".

ע. רינגעלבלום דערציילט: „מען האָט גענומען זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן דעם שעכטהויז פון אייראָפעיִשן יִדנטום — וועגן טרעבלינקע. מיר האָבן געפרוווט אויפן יסוד פון די דערציילונגען פון די צוריקגעקומענע פון פאַרשידענע פראָווינץ־לאַגערן אויפשטעלן אַ בילד פון די איבערלעבונגען פון די יִדן אין די פראָווינצשטעט אין דער צייַט פון אויסזידלונג" (זז' 323-322).

מען דאַרף זיך וווּנדערן און שטוינען וואָס אין אַזאַ גרויל־מוראדיקער צייַט פאַרמאָגט ע. רינגעלבלום דעם מוט, די גבורה, דעם ווילן צו פירן ווייַטער די אַרבעט. ער פאַרנאָטירט: „ווען מיר שרייַבן די ווערטער, איז די אַרבעט אין פולן ברען, און אויב מען וועט נאָך האָבן אַ ביסל מנוחה, וועט קאָנען דערגרייכט ווערן דאָס, אַז קיין שום וויכטיקער פאַקט פון יִדישן לעבן אין דער צייַט פון מלחמה זאָל נישט בלייַבן פאַרבאַהאַלטן פאַר דער וועלט" (ז' 323).

און ע. רינגעלבלום, וואָס מייַדט אויס צו רעדן וועגן אייגענע שרעק, יסורים, פייַנען, מסירת־נפש און מאַרטירערייַ, זאָגט פאַרבייַגייענדיק אויפן לעצטן זייַטל פון זייַנע „נאָטיצן" וועגן „עונג־שבת", ווו ער רעדט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט וועגן אייניקע פון זייַנע נאָענטע מיטאַרבעטערס: „...וויפל מאָל איז ער (דער יונגער, פרעכטיקער, פלאַמיקער, פילצוזאָגנדיקער וויסנשאַפטלער, העלד און מאַרטירער מנחם לינדער — ג. מ.) מיר דערגאַנגען די יאָרן, איך זאָל אַרויספאָרן פון וואַרשע נאָך דער בלוטיקער אַפריל־נאַכט 1942!..." ע. רינגעלבלום כאַפט זיך גלייַך און ער זעצט פאָר: „יעדער מיטאַרבעטער פון עונג־שבת האָט געוווּסט, אַז זייַן מי און פייַן, זייַן שווערע האָרעוואַניע און מאַטערניש, זייַן ריזיקירן 24 שעה אַ טאָג מיט דער ,טרייפענער' אַרבעט בשעת איבערטראָגן מאַטעריאַלן פון איין אָרט צום צווייטן — אַז דאָס אַלץ איז צוליב אַ הויכן אידעאַל, און אַז די געזעלשאַפט וועט עס אין די טעג פון פרייַהייט (ווי) געהעריק אָפשאַצן און באַלוינען מיט די העכסטע אָפצייכענונגען, וואָס וועלן זייַן אין דער פרייַער אייראָפע". „עונג־שבת — פאַרענדיקט ע. רינגעלבלום — איז געווען אַ ברודערשאַפט, אַן אָרדען פון ברידער, וואָס האָבן אויף זייער פאָן אויפגעשריבן קרבנות־גרייטקייט, געטרייַשאַפט פון איינעם צום אַנדערן און דינסט פאַר דער געזעלשאַפט" (ז' 344).

איינער פון די וויכטיקסטע אויפטוען פונעם „עונג־שבת", ווי מיר ווייסן איצט, איז געווען דער גרויסער אַרכיוו, ריכטיקער — דער אומגעהייַערער אוצר פון מאַטעריאַלן, לעבעדיקע אייַנדרוקן, מגילות, לאָגלען טרערן, הייליקע נאָטיצן, וואָס בלויז אַ טייל איז פאַרבליבן גאַנץ און בלויז אַ טייל איז דערגאַנגען צו אונדז. דאָס איבעריקע איז צוזאַמען מיט זייערע פאַרפאַסערס אומגעקומען, פאַרשווּנדן.

„אין וואָס באַשטייט די עיקר־אידעע פונעם רינגעלבלום־אַרכיוו?" — פרעגט ב. מאַרק און ער ענטפערט: „אין דעם טיפן גלויבן פון די צום טויט־פאַרמשפטע קולטור־טוערס פון געטאָ, אַז נישט געקוקט אויף אַלע פאַרטיליקונגען, וועט דער היטלעריזם פאַרשפילן, וועט די פרייַהייטלעכע וועלט זיגן און דאָס יִדישע פאָלק וועט איבערלעבן אויך דעם נאַצי־קאַטאַקליזם און וועט ווי אַ נאַציאָנאַלער קאָלעקטיוו עקסיסטירן און לעבן. דער גלויבן אין

המשך פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום דורך יעדעם פּיצעלע שמה, יעדעם בלאַט אין די מיט בלעך־אַרומגעהאַקטע קאַסטנס פון דעם טיילווייַז אויסגעגראָבענעם רינגעלבלום־אַרכיוו. וואָרעם ווען די זאַמלערס פון די באַהאַלטענע מאַטעריאַלן און די וואָס האָבן די קאַסטנס באַגראָבן אין דער ערד, ווען זיי וואָלטן נישט געהאַט דעם דאָזיקן גלויבן — וואָס פאַר אַ זין וואָלט געהאַט זייער מסירת־נפשדיקע אַרבעט?" („דאָס בוך פון גבורה — אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ", לאָדזש, 1947, ז' 355). „ווען מען קוקט זיך צו צו די מאַטעריאַלן און צו די צען אָפּגעראַטעוועטע קאַסטנס, ווערט מען דערשטוינט פון דער זאָרגעוודיקייט, ווי אַזוי די פּאַפּירן זענען אייַנגעלייגט, ווי אַזוי די מענטשן האָבן געדענקט וועגן יעדן פּרט, וואָס קאָן צוּוואַרפן נאָך אַ ביסל שייַן אויף דער געשיכטע פון דער ייִדישער מאַרטירערייַ און העלדנמוט" (ז' 356).

ע. רינגעלבלום, וואָס האָט זיך באַמיט אין זייַנע געטאָ־שילדערונגען צו זייַן וואָס אָביעקטיווער, פאַרלירט דאָך זייַן רויִקייט, און ער געברויכט האַרבע, שאַרפע ווערטער. אין אַ נאָטיץ „דאָס קלאַסן־פּנים פון דער ייִדישער קהילה" שרייַבט ער: „צייַטן פון איבערבראָך האָבן די מעלה, אַז זיי באַלויכטן ווי מיט אַ ריזיקן רעפלעקטאָר דאָס, וואָס איז ביז איצט געווען פאַרדעקט. דאָס חיהשע פּנים פון דער ייִדישער בורזשואַזיע, איר מענטשן־פרעסערישער כאַראַקטער איז געקומען בולט צום אויסדרוק אין די לעצטע צייַטן פון הונגער. די גאַנצע אַרבעט פון דער קהילה איז איין גרויסע הימל־שרייַענדיקע עוולה לגבי דער אָרעמקייט. און וואָלט געווען אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָלט ער מיט דונערן חרוב געמאַכט די נעסט פון רשעות, צביעות און הויטשינדערייַ" („נאָטיצן פון וואַרשעווער געטאָ", וואַרשע, 1952, ז' 198).

אַזעלכע שטעלן קאָן מען געפינען נאָך און נאָך אין זייַנע גרוילנאָטיצן.

אַ מאָל רייַסן זיך אויך אַדורך טיף־רירנדיקע ווערטער וועגן זיך גופא — הגם, ווי ס'איז צו זען פון די נאָטיצן — מייַדט אויס ע. רינגעלבלום צו רעדן וועגן זיך, וועגן זייַנע אייגענע איבערלעבענישן און געפילן. אָט האָבן מיר אַ נאָטיץ וועגן יצחק גיטערמאַן, זייַן (און מייַנער) נאָענטער פריינד און לאַנגיאָריקער חבר. ער פאַרצייכנט: „יצחק גיטערמאַן איז אַ קרבן פון דער צווייטער אויסזידלונג פון וואַרשע. ער האָט בשעת זייַנע באַזוכן בייַ מיר אַדורכגעקוקט די ליסטעס פון די געהרגעטע און אייגנהענטיק צוגעשריבן פאַרשידענע נעמען. איצט פיגורירט אויף דער זעלבער ליסטע, וווּ עס פיגורירט זייַן אייגנהענטיקע צושריפט — דער נאָמען פון יצחק גיטערמאַן". און ע. רינגעלבלום גיט צו: „עס ציטערט מיר די האַנט (בייַ) די ווערטער, ווייַל ווער ווייסט, צי וועט אין דעם צעטל דער צוקונפטיקער היסטאָריקער, וואָס וועט אַדורכקוקן די דאָזיקע ליסטע, נישט צושרייַבן אויך מייַן נאָמען: ע. רינגעלבלום..." און אָנגעוואָרפן די פּאָר שורות, איז ער גלייַך גובר אין זיך די סענטימענטן און ער זאָגט: „מילא, מיר זענען שוין צוגעוווינט צום טויט, און ער מאַכט אויף אונדז נישט קיין אייַנדרוק. אויב עמעץ פון אונדז וועט איבערלעבן די מלחמה, וועט מען אַרומגיין אין דער וועלט ווי מענטשן פון אַ צווייטן פּלאַנעט... עפּעס זענען מיר געבליבן על פּי נס און על פּי טעות" (ז' 316).

און דער נס, ווי באַוווּסט, איז נישט געשען, און קיין טעות איז נישט געווען — און ע. רינגעלבלום האָט די מלחמה, דעם חורבן נישט איבערגעלעבט, און זייַן נאָמען איז דערנאָך צוגעשריבן געוואָרן צו דער „ליסטע" פון די פאַרפּייַניקטע און דערמאָרדעטע...

אַזוי האָט געשריבן ד"ר ע. רינגעלבלום אָנהייב יאַנואַר 1943. מיט אַ 14 חדשים שפּעטער, דעם 1טן מאַרץ 1944, אין זייַן באַוווּסטן באַריכט „די ייִדישע קולטור־אַרבעט אין די געטאָס פון פּוילן" (אַרויסגעשיקט פון וואַרשעווער אונטערערד דעם 1טן מייַ, ווען ע. רינגעלבלום, צוזאַמען מיט זייַן פרוי, יהודית, און זייער זון אורילע, זענען שוין אומגעקומען), האָט ער געשריבן: „צי עס וועט איבערדויערן די מלחמה ווער עס איז פון אונדז, כלל־טוערס, וואָס מיר אַרבעטן אין באַדינגונגען פון טאָפּלטער קאָנספּיראַציע — זענען מיר אין ספק". דאָס זעלבע ווערט אויך איבערגעחזרט צום סוף פון „באַריכט": „צי מיר וועלן האָבן אַ געלעגנהייט זיך צו זען מיט אייַך — זענען מיר אין ספק" („ייִדישע קולטור", 1944, נומ' 10).

און דער ספק איז געוואָרן אַ „וודאי", אַ „געוויס": אים איז נישט באַשערט געווען איבערצולעבן די מלחמה, דעם חורבן, כאָטש עס זענען אים פון פאַרשידענע זייַטן און וועגן געגעבן געוואָרן מעגלעכקייטן זיך צו ראַטעווען...

דאָס איז ע. רינגעלבלום!

.6

וואָס עמנועל רינגעלבלום איז געווען פאַר די ייִדישע מאַסן אין געטאָ — דאָס איז אַ גאָר באַזונדער קאַפּיטל, וואָס באַדאַרף ערשט גענוי אויסגעפאָרשט און באַשריבן ווערן. אין די פאַרעפנטלעכטע ביכער וועגן וואַרשעווער געטאָ האָבן מיר פיל מאַטעריאַלן וועגן דעם. ער האָט נישט נאָר זיך פאַרנומען מיט זאַמלען מאַטעריאַלן, ידיעות, דאָקומענטן צו דער געשיכטע פון ייִדן בעת דער היטלער־אָקופּאַציע, נאָר ער האָט אויך זיך באַטייליקט בייַם מאַכן געשיכטע. ער האָט גענומען אָנטייל אין די וויכטיקסטע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און געווען דער פאָרשטייער פון די לינקע, פּראָגרעסיווע כוחות אין די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציעס, קאָמיטעטן, וואָס האָבן עקסיסטירט אין דער געטאָ. ער איז געווען באַליבט און געערט בייַ די פאַרשידנסטע קרייַזן און צו זייַן וואָרט האָט מען זיך אומעטום שטאַרק צוגעהערט.

אין דעם לענגערן באַריכט, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין וואַרשע, מאַרץ 1944, וועגן דעם אויפקום און אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע (אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך אונטערערדישע פאַרבינדונגס־וועגן קיין לאָנדאָן אין מייַ־חודש, פאַרעפנטלעכט דורך מ. ניישטאַדט „חורבן און אויפשטאַנד פון די ייִדן אין וואַרשע", תל־אביב, 1948, זז' 128־167), האָבן מיר פּרטים וועגן ד"ר ע. רינגעלבלומס טעטיקייטן אין געטאָ. צווישן אַנדערס ווערט איבערגעגעבן, אַז „דעם 22טן יולי 1942 (ערב תשעה באב, תש"ב), ווען די דייַטשן זענען צוגעטראָטן צו ליקווידירן די וואַרשעווער געטאָ, איז צונויפגערופן געוואָרן דער געזעלשאַפטלעכער ראַט צו באַטראַכטן די לאַגע און אָננעמען מיטלען". צווישן די פאַרשידענע פירנדיקע מענטשן איז אויך געווען ע. רינגעלבלום... „די מיינונגען האָבן זיך צעטיילט. די פאָרשטייערס פון די לינק־ציוניסטישע גרופּירונגען און פון ,החלוץ' און אויך עטלעכע געזעלשאַפטלעכע טוערס האָבן אויפגעפאָדערט צו אַן אַקטיוון אַרויסטריט, אין אַ וועלכער עס איז פאָרעם..." און אַזוי ווי „די מערהייט האָט פאַרלאַנגט אָפּוואַרטן", האָבן „די לינקע גרופּירונגען געשאַפן אַ פאַראייניקטן אַרבעטער־קאָמיטעט", וואָס „האָט גענומען אויף זיך די אַחריות פאַרן גורל פון געטאָ און פאַר זייַן כבוד" (ז' 138).

און אַזוי ווײַטער ווערט בײַ יעדער טעטיקייט דערמאָנט דער נאָמען פון ד״ר ע. רינגעלבלום, וואָס האָט אויסגעפילט וויכטיקע פונקציעס אין די געטאָ־אָרגאַניזאַציעס.

וועגן דער ראָלע פון ע. רינגעלבלום אין דער געטאָ רעדט דער „באַריכט פון ייִדישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין פוילן" (אַרויסגעשיקט פון וואַרשע קיין לאָנדאָן דעם 24טן מײַ, 1944). איבערגעבנדיק אַן אויספירלעכן באַריכט וועגן דער לאַגע אין געטאָ, וועגן די קאַמפן, דורכפאַלן, וועגן די גרויזאַמקייטן און חורבנות, דערציילט דעם באַריכט: „... אין מאַרץ (1944) איז אומגעקומען איינער פון אונדזערע באַדײַטנדיקסטע טוער, דער שעפער און לייטער פון אונדזער אַרכיוו, דער לאַנגיאָריקער קולטור־טוער פון די לינקע פועלי־ציון, אַ פּלאַמיקער און אָפּפערוויליקער געזעלשאַפטלעכער עסקן, ד״ר עמנואל רינגעלבלום..." (ז׳ 189).

אויך אַ צווייטער באַריכט (אַרויסגעשיקט פון וואַרשע דעם 24טן מײַ 1944 קיין תּל־אָביב) גיט איבער די טראַגישע נײַעס וועגן רינגעלבלומס אומקום מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „לעצטנס האָבן מיר אַדורכגעלעבט אַ שרעקלעך אומגליק. עס איז אומגעקומען עמנואל צוזאַמען מיט יהודית (זײַן פרוי) און אוריה (זייער זון). צוויי מאָל האָבן מיר אים געראַטעוועט. איין מאָל — פון וואַרשעווער געטאָ, אַ צווייט מאָל — פון לאַגער אין טראַווניק. ער האָט זיך אײַנלאָקירט צוזאַמען מיט זײַן משפּחה אין אַן אונטערערדישן שוצאָרט. ער האָט געאַרבעט אינטענסיוו... דעם 7טן מאַרץ (1944) האָט די געסטאַפּאָ אַנטדעקט דעם שוצאָרט. זי האָט אַרעסטירט 37 מענטשן. אַלעמען האָט מען שרעקלעך געפּײַניקט און דערשאָסן. עמנואלס טויט איז די גרעסטע אבידה פון דער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט נאָך דער צעשטערונג פונעם געטאָ. ביזן לעצטן מאָמענט האָט ער אויפגעהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט אונדז... ער האָט נישט דערלעבט דעם באַפרײַונגס־מאָמענט. די גאַנצע צײַט פון זײַן געפינען זיך אין געטאָ איז ער געשטאַנען אויף דער נייטיקער הויך, געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער סאָציאַלער הילף, האָט געשאַפן אַ נעץ פון אַ צוויי טויזנט הויז־קאָמיטעטן, האָט געשאַפן אַ גרויסן אַרכיוו, ער איז געווען אַן אומדערמידלעכער, פּלאַמיקער טוער, איינער פון די סאַמע פּאָפּולערסטע פערזענלעכקייטן אין געטאָ. אין קאָנצענטראַציע־לאַגער אין טראַווניק איז ער געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער זעלבסטהילף־אַקציע און פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, ער איז געווען דער לעבעדיקער גײַסט פון דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט אין לאַגער"... „זײַן נאָמען, — ווערט געזאָגט אינעם באַריכט, — וועט זײַן פאַרבונדן מיט דער געשיכטע פון געטאָ, מיט דער מאַרטיראָלאָגיע און מיטן קאַמף פון פּוילישן ייִדנטום" (מ. ניישטאַדט, ז׳ 234).

7.

און אָט אַ גרוס פון ע. רינגעלבלום פון סוף יולי אָדער אָנהייב אויגוסט 1943. די אונטערערדישע באַוועגונג האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג, מיט דער הילף פונעם פּאָליאַק טעאָדאָר פּאַיעסקי, באַמיט זיך אַרויסצוראַטעווען אים פון טראַווניקער לאַגער און אים ברענגען קיין וואַרשע. רחל אויערבאַך, — די באַוווּסטע שרײַבערין, וואָס האָט געאַרבעט אויף דער אַרישער זײַט אין וואַרשע, — דערציילט („מײַן לעצטע באַגעגעניש מיט ד״ר ע. רינגעלבלום", אַ קאַפּיטל פון באַנד זכרונות „דער פּנקס פון אונדזער חורבן און געראַנגל", „נײַוועלט", תּל־אָביב, פונעם 13טן מאַרץ, 1953): „... נאָך איינעם צי צוויי אומגעלונגענע פּרוּוון, האָט זיך אײַנגעגעבן אים (ע. רינגעלבלומען) אַרויסצובאַקומען פון (טראַווניקער) לאַגער וווּהין ער איז פאַרשלעפּט געוואָרן פון ברויערס שאָפּ בשעתן אויפשטאַנד"... ס׳איז געווען אין דער צײַט ווען מוסאָליני איז געפאַלן, און אַלע האָבן געזען אין דעם אַן אָנהייב פון היטלערס סוף. רחל אויערבאַך גיט איבער, ווי זי האָט דאָן זיך געטראָפן מיט רינגעלבלומען אין דער וווינונג פון סטאַכן: „מיט וואָס פאַר אַ רירונג טראַכט איך איצט וועגן מײַן דעמאָלטיקן געשפּרעך מיט אים". „איך האַלט, — שרײַבט רחל אויערבאַך, — אַז מיר האָבן אין זײַן פּערזאָן פאַרלוירן איינעם פון די שענסטע מענטשן, וואָס האָט זיך אין יענע שרעקלעכע יאָרן אַנטפּלעקט אין אונדזער געזעלשאַפטלעכקייט מיט זײַן גאַנצער איידלקייט און קראַפט".

רחל אויערבאַך דערציילט ווײַטער: „רינגעלבלום האָט זיך שטאַרק דערפרייט, וואָס ער זעט מיך אַ לעבעדיקע און דערבײַ אַזאַ יוסטע „אַריערין". אין משך פון אַ האַלבער שעה האָבן מיר אַדורכגעמישט אין געשפּרעך טויזנט זאַכן. איך געדענק וואָס רינגעלבלום האָט מיר געזאָגט וועגן ערשטן אײַנדרוק, וועלכן עס האָט אויף אים געמאַכט סטאַכס באַשיידענע צוויי צימערלעך. זיי זענען אים, נאָך דעם לאַגער, פאָרגעקומען ווי אַן אידעאַל פון גרוימיקייט, פון ריינקייט און קאָמפאָרט. ער האָט מיר אויסגערעכנט די נעמען פון די שוישפּילערס און כלל־טוערס, וואָס ער האָט געלאָזן אין טראַווניק... רינגעלבלום האָט מיר דערציילט, ווי עס אַרבעט די קאָנספּיראַציע אין טראַווניק, אַז זי פאַרמאָגט אַ ביסל געווער, אַז זי האָט אויף אַזוי פיל דאָרט באַהערשט די סיטואַציע, אַז זי האָט אַ כּוח אין די טראַנספּאָרטן, וואָס גייען אָפּ קיין סאָביבאָר, כלומרשט אויף גראָבן טאָרף, אין דער אמתן אויף ליקווידאַציע — אַרײַנצושטעלן דווקא די קאָנפידענטן און מנוולים, פון וועלכע מען מוז פּטור ווערן.

„רינגעלבלום איז שטאָלץ געווען מיט דער אָרגאַניזאַציע אין לאַגער...

„צום סוף האָט מיך רינגעלבלום גענומען אויספרעגן וואָס אין וואַרשע טוט זיך. זײַענדיק איבערפולט מיט דער מעשה מוסאָליני, האָב איך אים אָנגעהויבן צו פאַרשיטן מיט נײַעס פון די געהיימע ראַדיאָ־ביולעטינען און דערבײַ פאַרטײַטשן מײַן באַגײַסטערונג..."

„צום סוף, — שרײַבט רחל אויערבאַך, — האָב איך אויסגעפירט, אַז ווען היטלער וועט פאַלן, וועל איך שוין נישט ווערן אַזוי דערשיטערט, ווײַל איצט בין איך שוין באַפרײַט געוואָרן פון ספקות. איצט ווייס איך, אַז דאָס וועט זיכער קומען.

„— אוי! — ענטפערט מיר רינגעלבלום, — אוי, וועט יעדער פון אונדז ייִדן ווערן דעמאָלט אויף ס׳נײַ דערשיטערט — פערזענלעך, און נאָך מער ווי איצט — ווײַל דעמאָלט וועט זיך יעדער פון אונדז קאָנען זאָגן, אַז ער אַליין איז שוין איצט אויף אַן אמת געראַטעוועט. אַזוי איז די מענטשלעכע נאַטור...

„און ער איז געווען גערעכט. מיר האָבן זיך געקאָנט איבערצײַגן וועגן דעם. אָבער ער, ער האָט שוין, לײַדער, דעם מאָמענט נישט דערלעבט..."

ד״ר ע. רינגעלבלום האָט נישט געוואָלט פאַרבלײַבן אויף דער אַרישער זײַט. מיט דער זעלבער טרײַקייט און מסירת־נפש האָט ער פאָרגעזעצט זײַן אַרבעט מיט דער הילף פון דער לעבן געבליבענער גרופּע מיטאַרבעטערס. אין 1943 איז געווען אַ מעגלעכקייט אַרויסצוראַטעווען אים פון פּוילן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם. ער האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן די פּאָזיציעס אויפן געפערלעכן געטאָפראָנט... ער און זײַן פרוי און זון און נאָך אַ פּאָר צענדליק ייִדן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ בונקער, וואָס איז

ספּעציעל אויסגעבויט געוואָרן דורך דעם פּאָליאַק מיעטשיסלאַוו וואָלסקי און פאַרשטעלט געווען מיט אַן אָראַנזשערי. צוליב אַ מסירה האָט די געסטאַפּאָ אַנטדעקט דעם בונקער, און דעם 6טן מאַרץ 1944 — עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי ס'איז דורך אים און ד"ר אַדאָלף בערמאַן אָנגעשריבן געוואָרן דער באַרימטער בריוו וועגן דער קולטור־אַרבעט פון ייִדן אין וואַרשעווער געטאָ, — איז ער אַריבערגעפירט געוואָרן אין די טויטקאַמערן פון פּאַוויאַק.

.8

ווען עמנואל רינגעלבלומס לעצטע גרוילטעג האָבן מיר זיך דערוווּסט פון איינעם וואָס האָט זיך געטראָפן מיט רינגעלבלומען אין דער גרויזאַמער פּאַוויאַק־תפיסה, וווּ די דײַטשע בעסטיעס האָבן פאַרשניטן זײַן יונג לעבן, פּונקט ווי זיי האָבן אין דער דאָזיקער „באַרימטער" תפיסה אומגעבראַכט פיל אומשולדיקע ייִדישע קרבנות. י. הירשהויט האָט געאַרבעט אין פּאַוויאַק ווי אַ דעזינפעקטאָר. ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו באַזוכן די פאַרשידענע קאַמערס אין דער טויטן־תפיסה. אין זײַנע זכרונות „מיט ד"ר ע. רינגעלבלום אין פּאַוויאַק" (פאַרעפנטלעכט אין „ייִדישע קולטור", 1949, נ' 10, איבערגעדרוקט פון מינכענער „דער מאָרגן") גיט ער איבער, ווי אין איינעם אַ פרילינג, 1944 (דאָס איז געווען דעם 7טן מאַרץ) האָט מען זיך דערוווּסט אין תפיסה, אַז ד"ר רינגעלבלום און זײַן פרוי און זון זענען אַהין אַרײַנגעפאַלן מיט נאָך עטלעכע און דרײַסיק ייִדן, וואָס די דײַטשן האָבן אַנטדעקט אין אַ בונקער. י. הירשהויט דערציילט: „די פּאַוויאַקער ייִדן (אַליין פאַראורטיילטע אויף יסורים, פּײַניקונגען, — נ. מ.) האָבן שטאַרק געוואָלט ראַטעווען פון טויט די נײַע קרבנות. נאָר וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, האָבן מיר שוין געקאָנט אויפטאָן? " די איינציקע האָפענונג איז געווען צו זוכן אַ וועג צום תפיסה־קאָמענדאַנט פּיטש און אויספּועלן בײַ אים, אַז ע. רינגעלבלום זאָל צוגעטיילט ווערן צו עפּעס אַן אַרבעט אין דער תפיסה. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צוצוקומען צו דער טויטן־קאַמער און איבערגעבן אַ טרייסטוואָרט צו ד"ר ע. רינגעלבלום. ס'איז געווען פון די שווערסטע זאַכן, אָבער „סוף כל סוף, — שרײַבט י. הירשהויט — בין איך דעם זעלבן אָוונט געווען אין דער טויטן־קאַמער... מײַן באַגעגעניש מיט רינגעלבלומען האָט געדויערט בסך־הכל עטלעכע מינוט, אָבער די דאָזיקע ווייניקע מינוטן האָבן זיך שטאַרק אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון.

„די קאַמער איז געווען פול געפּאַקט מיט מענטשן. דאָס זענען מסתמא געווען רינגעלבלומס בונקער־חברים. ער אַליין איז געזעסן אויף אַ שטרויזאַק, האַרט נעבן דער וואַנט, אויף וועלכער עס זענען געווען אויסגעקריצט מיט נעגל הונדערטער נעמען פון מענטשן, וואָס זענען דורך דער דאָזיקער קאַמער דורכגעגאַנגען זייער לעצטן וועג. רינגעלבלום האָט אויף זײַן שויס געהאַלטן אַ היפּש ייִנגל, זײַן זון אורי.

„איך האָב מיך דערנענטערט צו רינגעלבלומען און אים געזאָגט, אין וועמענס שליחות איך בין געקומען. איך דערמאָן מיך, אַז רינגעלבלום האָט זיך שטאַרק געוווּנדערט, ווען ער האָט געהערט אַז אין דער תפיסה זענען נאָך פאַראַן ייִדן.

„דאַן האָב איך אים דערציילט, אַז מיר מאַכן באַמיִונגען, כדי אים אַרײַנצונעמען צו אונדז.

„— און וואָס וועט זיין מיט אים? — האָט ער מיך געפרעגט, ווײַזנדיק מיטן פינגער אויפן זון — און וואָס וועט זײַן מיט דער פרוי, וואָס זיצט בײַ די פרויען?

„וואָס האָב איך אים געקאָנט ענטפערן? מיר האָבן געוווּסט, אַז אויב עס וועט זיך אונדז אײַנגעבן אַרויסצונעמען רינגעלבלומען צו אונדז מאַכנדיק אים פאַר אַ שוסטער אָדער אַ שנײַדער, איז זײַן משפּחה פאַרלאָרן. רינגעלבלום האָט דעם דאָזיקן אמת אַרויסגעפילט פון מײַן שווײַגן און באַלד האָט ער טאַקע צוגעגעבן:

„— איך וויל בעסער גיין אויף קידוש השם צוזאַמען מיט זיי!"

„שפּעטער האָט ער מיר דערציילט, ווי ער איז געפּײַניקט געוואָרן אין געסטאַפּאָ. די רוצחים האָבן פון אים געוואָלט אַרויסבאַקומען די אַדרעסן פון די מענטשן, מיט וועלכע ער איז געווען פאַרבונדן אויף דער אַרישער זײַט. זיי האָבן אים אויך געפרעגט וועגן זײַן טעטיקייט פון דער לעצטער צײַט. רינגעלבלום האָט נישט געזאָגט גאָרנישט און דערפאַר האָבן אים די מערדערס געשלאָגן במשך פון דרײַ גאַנצע טעג. ער האָט מיר געוויזן ברוינע און בלאָע צייכנס אויפן גאַנצן לײַב, די צייכנס פון מערדערישע קלעפּ.

„אין מיטן געשפּרעך האָט ער מיר פלוצלינג געשטעלט אַ פראַגע:

„— איז דער טויט אַ שווערער?

„און אַ ביסל שפּעטער האָט ער צוגעגעבן מיט אַ קול, געבראָכן פון יאוש:

„— וואָס איז שולדיק דער קליינער? — האָט ער ווידער מיטן פינגער געוויזן אויף דעם ייִנגל, — צוליב אים ווייטיקט מיר שטאַרק דאָס האַרץ!

„איך בין פאַר רינגעלבלומען געשטאַנען אַן אומבאַהאָלפענער. נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן . . .

. . . דעם דריטן טאָג, ווען מיר זענען פון די קאַמערן אַרויסגעפירט געוואָרן צו דער אַרבעט, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די ייִדן זענען שוין נישטאָ אין דער טויטן־קאַמער. פאַר טאָג האָט מען זיי אַרויסגעפירט אין די חורבות פון זאַמענהאָף־גאַס 19 און דאָרט זיי דערשאָסן.

עס איז קלאָר געווען, אַז רינגעלבלום איז אומגעקומען צוזאַמען מיט די איבעריקע ייִדן און צוזאַמען מיט זײַן משפּחה . . .

אַזוי האָט פאַרענדיקט זײַן קורץ, פּראָדוקטיוו, שיין און שווער און מסירת־נפשדיק לעבן דער היסטאָריקער עמנואל רינגעלבלום!

* * *

סראָלקע קאַט (בוענאָס אײַרעס)

די ראָלע פון וואַרשעווער ייִדן אין ביאַליסטאָקער געטאָ אויפשטאַנד

א גרויסן בײַטראָג צו די געטאָ־אויפשטאַנדן און צו דעם אַלגעמיינעם אַנטיפאַשיסטישן קאַמף האָבן געגעבן אין דער מלחמה איבערוואַנדערנדיקע פּאָליטיש־אַקטיווע וואַרשעווער, וואָס האָבן פאַר דער מלחמה געווירקט אין לעבן פון לאַנד. סינדיקאַלע פירערס פון די לינקע ריכטונגען האָבן געמוזט בײַטן זייערע היימשטעט, וווּ מען האָט זיי גוט געקענט אַלס אַזעלכע. בײַם אַרײַנגיין פון דער דײַטשער אַרמיי זענען ספּעציעל אַזעלכע קעמפער געוואָרן אויפגעזוכט און פאַרפּײַניקט צום טויט דורך דער געסטאַפּאָ, אַזוי אַז די איבערוואַנדערונג פון די פּאָליטיש־אַקטיווע מענטשן איז געווען כמעט א נויטווענדיקייט בײַ דעם הערשנדיקן טעראָר. אין אַנדערע וווינערטער האָבן די רעוואָלוציאָנערן געקענט פרײַער ממשיך זיין זייער קאַמף, קיינער זאָל אויף זיי נישט קענען אָנווײַזן. די איבערוואַנדערונג האָט זיך ספּעציעל געצויגן צו דער סאָוועטישער טעריטאָריע, וווּ זיי האָבן זיך געקענט אויסלעבן פּאָליטיש און געזעלשאַפטלעך. א דאַנק דער איבערוואַנדערונג זענען צוגעקומען אין ביאַליסטאָק נײַע כוחות מיט סטאַזש אין פּאָליטישן קאַמף, וואָס האָבן זיך אויך געקענט פרײַער באַוועגן אַלס פרעמדע און דורך דעם האָבן זיי געברענגט פיל נוצן פאַר דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. די שטאָטישע ביאַליסטאָקער רעוואָלוציאָנערן זענען צוליב מסירות אויפגעזוכט געוואָרן דורך דער געסטאַפּאָ; די דײַטשע אויסראָטונגס־פּאָליטיק איז געוואָרן אויסגעפירט צו ערשט איבער די פּאָליטיש אַקטיווע מענטשן, ווי עס איז פיל מאָל באַשטעטיקט געוואָרן געשיכטלעך און דאָקומענטאַל.

אויך זענען פיל רעוואָלוציאָנערע קעמפערס סתם אומגעבראַכט געוואָרן אין מאַסנמאָרדן, דורך כאַפּונגען אויף דער גאַס, אָדער דורך אַרויסשלעפּן פון די הײַזער און מאָרדן אָן אונטערשיד וועמען מען האָט נאָר געטראָפן. אויף דעם אופן זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין ביאַליסטאָק א גאַנצע ריי וואַרשעווער רעוואָלוציאָנערע טוערס אין די ערשטע טעג נאָכן אַרײַנמאַרש פון דער דײַטשער אַרמיי. די וואַרשעווער וואָס זייער אומקום אין ביאַליסטאָק איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, זענען: יאַנקל ביבעלהײַזער, געבוירן אין 1895 אין וואַרשע, פּסעוודאָנים „דאָס קליינע יאַנקעלע", פון פאַך א היטל־מאַכער, געווען סעקרעטאַר פון נאָדל־אַרבעטער־פאַראיין, פאַר דעם קריג א טוער אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי; חיים אייכעל, פּסעוודאָנים „וואַצעק", געבוירן אין 1905 אין וואַרשע, פון פאַך א שנײַדער, געוואָרן פאַרשפּאַרט אין תפיסה פאַר קאָמוניסטישער טעטיקייט פאַר דער מלחמה דורך דער פּוילישער סאַנאַציע־רעגירונג, באַקאַנט דורך זײַן העלדישער האַלטונג אין טורמע; קאַראָל אײַזנבערג, אָן אָנגעשטעלטער, לאַנגיאָריקער טוער פון לינקן ייִדישן האַנדלס־אָנגעשטעלטן־פאַראיין אין וואַרשע, פירער פון פּראָגרעסיווע קינדער־אָרגאַניזאַציעס; הערשל בורשטין געבוירן אין 1908 אין וואַרשע, פאַרן קריג געווען קאָמענדאַנט פון דער פּראָלעטאַרישער זעלבשוץ, א טוער אין לינקן מאָלער־אַרבעטער־פאַראיין; אברהם לוקסעמבורג, קאָמיוגישער טוער פון וואַרשע; דוויד זאַכאַריאַש, לאַנגיאָריקער טוער פון לינקן טעקסטיל־אַרבעטער־פאַראיין.

ס׳זענען אויך אומגעקומען די אַנטיפאַשיסטישע וואַרשעווער קעמפערס: וויערניק, יעקב קעניגסבערג, ישראל מוראַוויעץ, בורגין און משה טייבלום — א באַקאַנטער וואַרשעווער געזערד־טוער.

די ווירקונג פון די וואַרשעווער אין דער ביאַליסטאָקער אַנטיפאַשיסטישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע פון געטאָ וואָלט געווען א פיל גרעסערע ווען די אַלע אויסגערעכנטע וואַרשעווער פּראָגרעסיווע טוערס און נאָך פיל אַנאָנימע וואָלטן דורך די מאַסן־כאַפּונגען נישט אַרײַנגעפאַלן אין די נאַצישע הענט. בלויז ווייניק וואַרשעווער קעמפערס, וואָס האָבן באַוויזן איבערצולעבן די ערשטע מאַסן־מאָרדן אין ביאַליסטאָק, זענען שפּעטער געוואָרן די העלדן און איניציאַטאָרן פון אַנטיפאַשיסטישן קאַמף אין געטאָ־אויפשטאַנד. און אַז ס׳איז פאַקטיש אַזוי געווען, זעען מיר פון דעם, וואָס די וואַרשעווער האָבן פאַרנומען די וויכטיקסטע פּאָסטנס ווי די קאָמענדאַנטן פון אויפשטאַנד און מיטגלידער פון קאָמיטעט. א סך פון זיי זענען שפּעטער געפאַלן אין העלדישן קאַמף קעגן פאַשיזם ווי געטאָ־אויפשטענדלערס און אויך אין פּאַרטיזאַנער־אָטריאַד, געשאַפן דורך דעם ביאַליסטאָקער אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. מען דאַרף נאָך צורעכענען פיל קעמפערס, וואַרשעווער, וואָס איך געדענק נישט זייערע פאַמיליע־נעמען. זאָלן די עטלעכע ווערטער וועגן זיי בײַטראָגן צו זייער אייביקן רום און צום כבוד פון זייער אָנדענק.

איך וועל אויסרעכענען עטלעכע נעמען, וואָס זענען מיר געבליבן אין זכרון:

דניאל מאָשקאָוויטש, פּסעוודאָנים „יעזשי", קאָמענדאַנט פון ביאַליסטאָקער געטאָ־אויפשטאַנד. געבוירן אין וואַרשע אין 1905, פאַרן קריג אַקטיוו אין קפּ"פּ, א האַנדלס־אָנגעשטעלטער. בעתן דורכמאַכן די פּוילישע מיליטער־דינסט געווען אויסגעצייכנט אַלס אונטעראָפיציר. פאַרלאָזנדיק וואַרשע אין 1939, נאָך דעם ווי די נאַציס האָבן אָקופּירט די שטאָט, באַזעצט זיך מאָשקאָוויטש אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע, כדי זיך אויסלעבן פרײַ און אויך כדי צו געבן זײַן צושטײַער דעם סאָוועטישן פאָלק אין דער באַפרײַונגס־מלחמה, וואָס איז נאָך פאָרגעשטאַנען אין קאַמף מיטן נאַציזם. דער פּלוצלונגדיקער אָנפאַל פון די נאַציס אויפן ראַטן־פאַרבאַנד האָט פאַרכאַפּט דניאל מאָשקאָוויטשן. דניאל איז שוין

געבליבן שטעקן אונטער דעם נאַציזם אין ביאַליסטאָקער געטאָ. אַליין אַ לונגער־קראַנקער, וואָס מוז בלייַבן פיל טעג אין בעט, שטעלט זיך דניאל נישט אָפ פאַר קיין שום זאַך, וואַרפט זיך אַרייַן מיט ברען אין דער אונטערערדישער אַרבעט, צו אָרגאַניזירן דעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. זינט די ערשטע טעג ווערט גלייַך דניאל באַשטימט פאַרן קאָמענדאַנט פון דער קאַמפס־אָפטיילונג וואָס ווערט געשאַפן בייַם קאָמיטעט. ער גיט פיל צייַט אַוועק כדי אויסצושולן די חברים צום קאַמף, צוגרייטנדיק פיל מענטשן וואָס האָבן פריִער נישט געוווּסט ווי מען באַגייט זיך מיט געווער. מאָשקאָוויטש גייט אויך אַרויס אויסערן געטאָ, אייַנשטעלנדיק זייַן לעבן, כדי צו שאַפן געווער. ער פירט אַרייַן געווער אין זעקלעך מעל און אין פורן האָלץ. מאָשקאָוויטש ווירקט מיט, אַ דאַנק זיין פערזענלעכקייט, צו צונויפגיסן אַלע קאַמפס־אָרגאַניזאַציעס פון געטאָ אין איינער, כדי צו צוגרייטן דעם געטאָ־אויפשטאַנד. אין דער דיסקוסיע, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער באַוועגונג וועגן די פאָרמען פון קאַמף, איז דניאל געשטאַנען אויפן שטאַנדפונקט פון קאַמף דירעקט אין געטאָ און נישט פון גיין אין פאַרטיזאַנקע. ער מאָטיווירט עס אַזוי: מיר האָבן נישט קיין רעכט איבערצולאָזן אויף הפקר 50 טויזנט ייִדן און אַליין זוכן אַ וועג זיך צו ראַטעווען. אויף דער לעצטער זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פאַרן אויסבראָך פון געטאָ־אויפשטאַנד, שפעט אין דער נאַכט פון 15 אויפן 16טן אויגוסט 1943, איז דניאל מאָשקאָוויטש אויסגעקליבן געוואָרן פאַרן קאָמענדאַנט פון געטאָ־אויפשטאַנד, צוזאַמען מיט מרדכי טענענבוים. זיי צייכענען גלייַך אָן די פלענער פון קאַמף. דעם זעלבן פאַרטאָג הייבט זיך אָן דער קאַמף אויף טשעפלע־גאַס. מאָשקאָוויטש האָט זיך געהאַלטן רויִק בייַם קאַמף און זיך נישט גערעכנט מיט זייַן שוואַכן געזונט. ווען דער קאַמף איז שוין געווען שוואַכער און האָט אָנגעוואָרן דעם פאַרנעם, האָט די אָרגאַניזאַציע פאָרגעלייגט מאָשקאָוויטשן אַריבערצופירן אים אין וואַלד צו די פאַרטיזאַנערס. זייַן ענטפער איז געווען: כל זמן ס'איז דאָ איין ייִד אין געטאָ, פאַרלאָז איך נישט דעם פאָסטן. אויב פאַלן, וועל איך צוזאַמען מיט אַלע.

געפינענדיק זיך אין אַרומרינגלונג האָט דניאל מאָשקאָוויטש זיך גענומען דאָס לעבן דורך אַרייַנשיסן די לעצטע קויל אין זיך, כדי נישט אַרייַנצופאַלן אַ לעבעדיקער אין די נאַצישע לאַפעס. געשען איז דאָס אין הויז פון שטאַב, אויף טשעפלע 13.

צום זעקסטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ האָט די פוילישע פאָלקס־רעגירונג אויסגעצייכנט דניאל מאָשקאָוויטשן מיט דעם מלוכה־אָרדן „גרונוואַלד־קרייץ”, דריטע קלאַס.

מרדכי טענענבוים פסעוודאָנים „טאַמאַראָף”, קאָמענדאַנט פון ביאַליסטאָקער געטאָ־אויפשטאַנד. געבוירן אין וואַרשע אין יאָר 1916 ביי רעליגיעזע עלטערן. ער ווערט באַאייַנפלוסט דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג, אין וועלכער ער איז אַקטיוו די גאַנצע צייַט. ער לערנט פיל אָריענטאַלישע שפראַכן. פון צייַט צו צייַט גיט זיך מרדכי אָפ מיט ליטעראַרישע אַרבעטן. פאַר דער צייַט פון קריג האָט ער אָנגעשריבן פיל ווערטפולע דאָקומענטן, וועלכע זענען שפעטער געפונען און פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

נאָכן אָקופירן וואַרשע דורך די נאַציס אין 1939 זענען פיל פון דער ציוניסטישער יוגנט אַריבער אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע, זייַענדיק זיכער אַז דאָרטן וועלן זיי זיך קענען אויסלעבן פרייַ במשך פון דעם קריג, מיטן אויסקוק אויף איבערלעבן די שווערע צייַט. דער אָנפאַל פון די נאַציס אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, אין יאָר 1941, האָט פאַרכאַפט מרדכי טענענבוימען אין ווילנע. די שנעלע אַרומרינגלונג פון ווילנע האָט אָפגעשניטן דעם וועג צו גיין טיפער אין דער סאָוועטישער טעריטאָריע. טענענבוים מאַכט זיך אַ פאַלשן פאַס אויפן נאָמען פון „טאַמאַראָף”, אַלס טאַטאַר, און ער הייבט אָן אַרבעטן אומלעגאַל. ער פאָרט איבער פאַרשידענע שטעט פון גאַנץ פוילן, כדי אָנצובינדן אַ קאָנטאַקט מיט פאַרשידענע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס. אין וואַרשע אַרבעט ער מיט מיט יוסף לעוואַרטאָווסקין אין „רוף”, און ווערט באַשטימט אַלס מיטגליד פון קאָמיטעט פאַר מיליטערישע ענינים. ער ווערט געשיקט אויך אַלס דעלעגאַט און פאָרשטייער אונטערצוהאַנדלען וועגן געווער און צוזאַמענאַרבעט מיט דער פוילישער אונטערערד אויסערן געטאָ, מיט די מענטשן פון גענעראַל שיקאָרסקי און אויך מיט דער אַרבעטער־פאַרטיי פפ"ר. מיט אַ גרויסן סטאַזש פון קאָנספיראַטיווער אַרבעט קומט אָן מרדכי טענענבוים אין ביאַליסטאָקער געטאָ, ווי אַ שליח פון וואַרשעווער געטאָ. טאַמאַראָף קומט מיט דעם אויסגעשמידטן געדאַנק פון קאַמף. די ציוניסטישע יוגנט לעבט אין געטאָ צוזאַמען, אין קיבוץ תל־חי. אין דעם קיבוץ שפיגלט זיך אָפ די אַקטיוויטעט פון דער דרור־יוגנט, אין שפיץ פון וועלכער עס שטייט מרדכי טענענבוים. אין אַ דיסקוסיע אין דעם קיבוץ, אָנגעפירט דורך טענענבוימען, וואָס איז פאָרגעקומען און פאַרפראָטאָקאָלירט געוואָרן וואָרטלעך, דריקט זיך אויס טענענבוים: עס איז גוט וואָס לכל הפחות די שטימונג איז אַ גוטע. ליידער וועט די דאָזיקע פאַרזאַמלונג נישט זייַן אַזאַ פריילעכע. די פאַרזאַמלונג איז, אויב איר ווילט, אַ היסטאָרישע, אָבער געוויס אַן אומעטיקע. דאָס הייפל מענטשן וואָס זיצן דאָ זענען די לעצטע חלוצים פון פוילן, אַרום אונדז זענען פאַראַן בלויז טויטע. איר ווייסט וואָס עס האָט געהאַט אָן אָרט אין וואַרשע: קיינער איז נישט געבליבן. דאָס זעלבע אין בענדין, טשענסטעכאָוו, און וואָרשייַנלעך אומעטום. מיר זענען די לעצטע. עס איז נישט קיין איבעריק אָנגענעם געפיל צו זייַן דער לעצטער. דאָס איז אַ באַזונדערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. מיר מוזן הייַנט דעצידירן וואָס וועלן מיר טאָן מאָרגן; זיצן צוזאַמען אין אַ שטילינקער אַטמאָספער פון זכרונות האָט נישט קיין זין, צוזאַמען און דווקא בציבור וואַרטן אויפן טויט — אויך נישט. אָט וואָס טוען מיר? מיר קענען טאָן צוויי זאַכן: באַשליסן אַז מיטן ערשטן ייִד וועלכן מען וועט איצטער אַרויספירן פון ביאַליסטאָק, וועלן מיר אָנהייבן אַ ווידערשטאַנד־אַקציע, אַז פון מאָרגן גייט נישט קיינער אין די פאַבריקן, אַז מען וועט נישט טאָרן אין דער צייַט פון דער אַקציע זיך באַהאַלטן. אַלע מענטשן וועלן זיין פאַרפליכטעט צו אונדזער אַרבעט. מיר קענען באַווייַזן אַז קיין איין דייַטש זאָל פון געטאָ נישט אַרויסגיין, אַז קיין איין פאַבריק זאָל נישט בלייַבן גאַנץ. עס איז נישט אויסגעשלאָסן אַז נאָכן דערפילן די אויפגאַבע קען מען צופעליק בלייַבן לעבן. אָבער שלאָגן זיך ביזן סוף, ביז צום טויט. מיר קענען דעצידירן אַז מיר גייען אַרויס אין וואַלד. לאָמיר רעאַל באַטראַכטן די מעגלעכקייט”. צום סוף פון דער דיסקוסיע רעזומירט טענענבוים דאָס אַרויסגעזאָגטע וועגן דער ווייַטערדיקער אַרבעט: „די שטעלונג פון די חברים איז קלאָר; מיר וועלן אַלץ טאָן אַרויסצופירן וואָס מער מענטשן צום פאַרטיזאַנישן קאַמף אין וואַלד. איטלעכער פון אונדז, וואָס וועט זיך אין דער צייַט פון דער אַקציע געפינען אין געטאָ, מוז רעאַגירן בייַם ערשטן אַרויסגעפירטן ייִד. מיר מוזן נישט צווישן זיך דינגען וועגן לעבן. מען דאַרף פאַרשטיין די אָביעקטיווע באַדינגונגען. די וויכטיקסטע זאַך ביז דער לעצטער רגע איז אייַנהאַלטן דעם כאַראַקטער און דעם שטאָלץ פון דער באַוועגונג”. לויט דעם פאַרנעם פון דער דיסקוסיע, הייסט עס, איז נאָך אַלץ געשטאַנען די פראַגע וועגן וואָס שוין טאָן? עס האָט נאָך געפעלט דער קאַמפס־באַוווּסטזיין בייַם גרעסטן טייל פון דער דרור־יוגנט אין קיבוץ. אין אַלגעמיין איז נאָך די ציוניסטישע יוגנט פון דרור (מען האָט זי אויך גערופן בלאָק ב.) געווען פאַר־

בונדן מיט דעם יודענראַט. זייערער אַ מיטגליד, יצחק ענגעלמאַן, אַ וואַרשעווער, איז געווען דער היטער פון יודענראַט־עלטסטן באַראַש. נישט איינער אין געטאָ האָט פון יצחק ענגעלמאַנען באַקומען געשלאָגן. צוליב ענגעלמאַנען און נאָך אַנדערע פאַרבינדונגען מיטן יודענראַט האָט אַ לאַנגע צייַט נישט געקענט פאָרקומען קיין קאַמף־פאַראייניקונג מיטן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. דער באַדינג פאַר אַ פאַראייניקונג איז געווען, אַז ענגעלמאַן זאָל איבעררייַסן זייַן שמוציקע אַרבעט אין יודענראַט. שפּעטער, ווען דער דרור האָט צוריקגעצויגן ענגעלמאַנען פון יודענראַט, איז פאָרגעקומען די פאַראייניקונג. אין אַלגעמיין האָט מרדכי טענענבוים נישט געהאַט קיין אָפיציעל קעגנערישע שטעלונג צום יודענראַט ווי צו אַ קאָלאַבאָראַציאָניסטישער אינסטיטוציע. נאָר מרדכי האָט אויסגעטיילט פאַרשידענע יודענראַט־פירערס ווי שלעכטע אָדער גוטע. לויט ווי פּראָפ' בער מאַרק ווייַזט אָן אין זייַן בוך „דער אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ" (אַרויסגעגעבן דורך דעם ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע), האָט טענענבוים געהאַט גענומען געלט עטלעכע מאָל בייַ באַראָשן. אַזאַ שטעלונג און אַזאַ קאָנטאַקט האָבן אָפּגעשוואַכט דעם קאַמפסגייַסט בייַ דער ציוניסטישער יוגנט. דערפון נעמט זיך אויך וואָס מיטגלידער פון דרור זענען געווען פאַרטראָטן אין יודענראַט. אויך דערפאַר איז די פאַראייניקונג פון אַלע קאַמפסגרופּעס געקומען שפּעט. אָבער טענענבוים איז געווען פון די, וואָס האָבן געפאָדערט אַ ווידערשטאַנד און אַ קאַמף. ער האָט אין זיך אויסגעשמידט דעם קאַמפסגעדאַנק אַ דאַנק זייַן באַוועגן זיך אין פאַרשידענע שטעט פון פּוילן, ווּ ער האָט געזען די פאַרניכטונגס־אַרבעט פון די דייַטשן און אויך אַ דאַנק דעם וואָס צו אים זענען אַרייַנגעפאַלן פיל דאָקומענטן פון טרעבלינקע. אויף דער לעצטער זיצונג פון פאַראייניקטן קאַמפס־קאָמיטעט, אין דער נאַכט פון 15טן אויפן 16טן אויגוסט 1943, איז מרדכי טענענבוים אויסגעקליבן געוואָרן אַלס קאָמענדאַנט פון געטאָ־אויפשטאַנד. ער און מאָשקאָוויטש האָבן זיך, ווי געזאָגט, גלייַך גענומען שאַפן דעם פּלאַן פון קאַמף. באַלד אין דער פרי איז אויסגעבראָכן דער ווידערשטאַנד. ווען דער געטאָ־אויפשטאַנד האָט זיך אָנגעהויבן אויסצולעשן, האָט מען פאָרגעלייגט טאַמאַראָפן צו גיין אין וואַלד, אָבער זייַן ענטפער איז געווען: „איך האָב געשטויסן צום קאַמף, און איצט וועל איך זיך ראַטעווען? ניין! איך בלייַב אין קאַמף. קיין געווער האָבן מיר נישט. ייִדן! נעמט האָלץ, צינדט אונטער די שטיבער". גענוי ווייס מען נישט טאַמאַראָפס סוף. קלאַנגען זאָגן אַז אויף דער גאַס טשעפּלע 13, ווּ עס האָט זיך געפונען דער שטאַב, זענען ביידע קאָמאַנדירן באַגאַנגען זעלבסמאָרד, כדי נישט אַרייַנצופאַלן קיין לעבעדיקע אין שונאס הענט. די פּוילישע רעגירונג האָט אויסגעצייכנט מרדכי טענענבוימען מיט אַ מלוכה־אָרדן.

יהודית נאָוואָגרודסקי, פּסעוודאָנים „יודיטע", אָנפירערין פון אַן אייגענער קאַמפס־ און פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין געטאָ. געבוירן אין וואַרשע, איז זי פאַר דער מלחמה געווען אַקטיוו אין דער קאָמוניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע זייער ענערגישע און ווילנפעסטע יוגנטלעכע איז פיל מאָל געוואָרן אַרייַנגעוואָרפן אין תפיסה דורך דער פּוילישער סאַנאַציע־רעגירונג, וואָס דאָס האָט געווירקט צו צעברעכן איר געזונט, אָבער נישט איר גייַסט. נאָכן פאַרלאָזן די דורך די נאַצי אָקופּירטע היימשטאָט, קומט אָן יודיטע אין דעם באַפרייַטן ביאַליסטאָק. זי פירט אַ גליקלעך לעבן, ביז די נאַצי־באַרבאַרן פירן אויס זייער צוגעגרייטן פּלאַן, דעם אָנפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד. זיי אָקופּירן ביאַליסטאָק, מאָרדן אויס טויזנטער אומשולדיקע ייִדן און שאַפן דאָס געטאָ, אין וועלכן יודיטע הייבט ווידער אָן איר אומלעגאַלע אַקטיוויטעט. אין דעם ערשטן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט ווערט יודיטע באַשטימט אַלס אָנפירערין פון דער יוגנט, וואָס דאָס איז געווען צוגעפּאַסט צו איר טעמפּעראַמענט. די יוגנט אין געטאָ איז געווען אַ ברויזנדיקער ים ענערגיע; מען האָט געדאַרפט נאָר וויסן ווי אַזוי זיך צו באַגיין, ווי אַזוי צו פירן די כוואַליעס ענערגיע פון דער יוגנט אויפן געהעריקן וועג, זיי זאָלן דורכרייַסן די צוימען און דערגיין צום זיג. אַרום דער פּראָבלעם זענען פאָרגעקומען שווערע דיסקוסיעס ,וואָס האָבן דערפירט צו אַ שפּאַלטונג אין דעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט פון ביאַליסטאָקער געטאָ. יודיטע, אַלס אָנפירערין פון דער יוגנט, האָט געפאָדערט פון קאָמיטעט אַ גרעסערע ענערגיע כדי צו שאַפן אַ גרויס פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג, אַרויסשיקן מער יוגנט אין די וועלדער, צום קאַמף. דער קאָמיטעט איז געשטאַנען גיכער אויפן שטאַנדפּונקט פון געטאָ־אויפשטאַנד. די יוגנט האָט געפאָדערט דורך דער פּערזאָן פון יודיטע מער ממשותדיקע טאַטן. יודיטע איז דאַן מיט אַ גרויסער גרופּע אַרויסגעטראָטן פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און האָט געשאַפן אַ באַזונדערע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע מען האָט גערופן יודיטעס גרופּע. יודיטע האָט אַרייַנגענומען אין איר קאַמפס־גרופּע מענטשן פון אַלע שיכטן און קלאַסן; זי האָט באַווירקט סייַ דיפּלאָמירטע מיטן ד"ר־טיטל און סייַ אונטערוועלטניקעס און האָט זיך אויך ניט גערעכנט מיט פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט. איר האָט געקענט געפונען אין יודיטעס גרופּע ציוניסטן און קאָמוניסטן. אַלעמען וועמען עס האָט פאַראייניקט דער לאָזונג און דער געדאַנק פון קאַמף קעגן נאַציזם האָט יודיטע געגעבן די מעגלעכקייט צו קעמפן אין אירע רייען. דערפאַר האָבן זיך אין איר אָרגאַניזאַציע אין אַ קורצער צייַט אָנגעזאַמלט פיל קעמפערס, בייַ וועלכע זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן, אַ דאַנק איר ענערגיע אין מעשים, אין אַ לעגענדאַרער פיגור. זייער גיך שאַפט יודיטע אַ קאָנטאַקט מיט סאָוועטישע פּאַרטיזאַנערס פון אַרום די ביאַליסטאָקער וועלדער. זי פאַרבינדט זיך מיט דער גרופּע פון באַקאַנטן פּאַרטיזאַנישן קאָמאַנדיר אַפאַנאַסעוויטש, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט אַ סאָוועטישער גרופּע. יודיטע האָט אַרויסגעשיקט אין וואַלד אַריין די ערשטע גרופּע פון ביאַליסטאָקער געטאָ צו אַ ייִדישע פּאַרטיזאַנישער אָפּטיילונג. די ערשטע גרופּע האָט געוויסע שוועריקייטן, צוליב ווייניק דערפאַרונג אין וואַלדלעבן און בייַ דער ערשטער שלאַכט מיט די דייַטשן ווערט זי צעקלאַפּט, און די איבערגעבליבענע קערן זיך אום צוריק אין געטאָ. דאָס שטעלט אָבער נישט אָפּ די ווייַטערדיקע אָרגאַניזירונג. אַ צווייט מאָל, אין אַ קורצער צייַט שפּעטער, ווערט אַרויסגעשיקט אַן אַנדער גרופּע, וואָס הייבט אָן די שלאַכט בייַם אַרויסגיין פון געטאָ (דורך אַ עפענונג אין אַ ספּעציעלן אָרט אין דער פאַרצאַמונג). דער דייַטשער וואַכמאַן האָט זיי באַמערקט און געהייסן בלייַבן שטיין. עס ווערט באַלד געשאָסן אין אים און ער פאַלט אַ פאַרוווּנדעטער. די גרופּע פאַרפירט אַ שלאַכט מיט דער וואַך און ציט זיך צוריק. אַ טייל בלייַבן אויסערן געטאָ און אַ טייל באַווייַזט נישט אַרויסצוגיין צוליב דער שיסערייַ. דאָס דריטע מאָל גייט אַרויס אַ גרופּע און באַווייַזט זיך אייַנצואָרדענען. דער סאָוועטישער פּאַרטיזאַנישער קאָמאַנדיר אַפאַנאַסעוויטש טיילט אויס פאַר דער ייִדישער קאַמפסגרופּע אַן אָנפירער מיטן נאָמען סאַשאַ, אַ סאָוועטישער בירגער, אַ רוס, זייער אַן ענערגישער און פעיִקער, וועלכער פירט אָן מיט דער גרופּע. עס הייבט זיך אָן אַ נייַע תקופה פון קאַמף פאַר דער ייִדישער פּאַרטיזאַנער־גרופּע. עס ווערן שטופנווייַז צוגעשיקט אין וואַלד נייַע קאַדרען פון געטאָ און אויך מעדיקאַמענטן אין דער זעלבער צייַט זענען אָנגעגאַנגען כסדרדיקע אונטערהאַנדלונגען מיט יודיטען וועגן צוריק אַרייַנטרעטן אין דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. די דאָזיקע אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געענדיקט מיט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן ערשט האַרט פאַרן אויפשטאַנד. עס האָבן

זיך פאַראייניקט די גרופּעס אין געטאָ און אַ דאַנק דעם איז אויך געקומען צו אַ פאַראייניקונג אין וואַלד צווישן ביידע גרופּעס פון זעלבן געטאָ, וועלכע האָבן געקעמפט באַזונדער. נאָך דעם צושטאַנד געקומענער פאַראייניקונג איז געוואָרן קאָמאַנדיר איבער ביידע גרופּעס סאַשאַ סוכאַטשעווסקי (יעזשי) פון וואַרשע (זע וועגן אים די אַרבעט אין „פּנקס וואַרשע״). אין אויפשטאַנד האָט יודיטע געקעמפט אין שפּיץ פון אַ גרופּע, וועלכע איז געווען גרייט אַרויסצורײַסן זיך פון דער געטאָ-פאַרצוימונג און פון דער אַרומרינגלונג. עטלעכע מאָל האָט יודיטע אָנגעהויבן צו אַטאַקירן די דײַטשן, אָבער מיט גרויסע פאַרלוסטן פאַר דער גרופּע איז זי אָפּגעשטויסן געוואָרן. בעת דעם לעצטן קאַמף בײַם דורכרײַסן די פאַרצוימונג און אַרומרינגלונג איז עטלעכע געלונגען אַרויסצוקריגן זיך, אָבער יודיטע איז העלדיש געפאַלן און האָט נישט באַוויזן דערגרייכן איר ציל, אָנצוקומען אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער, וועלכע זי גופא האָט מיט אַזוי פיל ענערגיע פריִער צוגעגרייט.

לייבוש מאַנדעבליט, געבוירן אין וואַרשע אין 1904. פון פאַך איז ער אַ שוסטער-אַרבעטער, געווען פאַר דעם אויסבראָך פון קריג אַן אַקטיווער טוער אין פּפּ״ר און אַן אָנפירער פון פיל שטרײַקן, וועלכע פלעגן זיך אַ מאָל ענדיקן מיט אַרעסטן און תפיסה. דאָס האָט לייבוש מאַנדעבליטן קראַנק געמאַכט. ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון לינקן לעדער-פאַראיין. אַ פלאַמיקער מאַסן-רעדנער וואָס פלעגט באַווירקן די פאַרזאַמלונגען. נאָכן אָקופּירן וואַרשע דורך די נאַציס איז לייבוש מאַנדעלבליט אַוועק פון דער הויפּטשטאָט. ער גייט אַריבער אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע און אַרבעט ביז דעם אָנפאַל פון דער נאַצי בעסטיע אויפן ראַטן-פאַרבאַנד. פאַרן אָנפאַל איז לייבוש געבליבן שטעקן אויף דער טעריטאָריע פון אָקופּאַנט. האָט ער זיך ווידער גענומען צו זײַן אונטערערדישער אַרבעט מיט דער עקספּעריענץ פון פאַרן קריג. אַליין פיזיש קראַנק איז מאַנדעלבליט ענערגיש און מיטרייסנדיק. ער איז איינער פון די ערשטע מיטגלידער אין אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. ער הייבט זיך אַרויס בײַם געבן הילף די סאָוועטישע קריגס-געפאַנגענע. פיל מאָל ווערט ער געשיקט אַלס דעלעגאַט אָנטייל צו נעמען אין די שמועסן בײַם פאַראייניקן אַלע קאַמפּסגרופּן אין געטאָ. ער נעמט אויך אָנטייל אין דער לעצטער זיצונג פון פאַראייניקטן קאָמיטעט פון אַלע קאַמפּסגרופּעס ווו עס ווערט באַשטימט דער אָנהייב פון אויפשטאַנד. ער באַטייליקט זיך אין קאַמף אויף טשעפּלע-גאַס, ווערט פאַרוווּנדעט און קעמפט ווײַטער אַ פאַרוווּנדעטער בײַם ליקווידירן דעם געטאָ-שפּיטאָל, ווו ער פאַלט העלדיש.

חנוך זשעלאַזנאָגוראַ, געבוירן אין וואַרשע, געווען אַן אַקטיווער מיטגליד אין דרור. נאָך דער אָקופּאַציע פון דער דײַטשער אַרמיי גייט אַריבער זשעלאַזנאָגורא צוזאַמען מיט נאָך חברים דעם טײַך בוג, קומט אָן אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע אויף וועלכער ער לעבט און אַרבעט ביזן אָנפאַל פון די דײַטשן אויפן ראַטן-פאַרבאַנד. זשעלאַזנאָגוראַ באַווײַזט שוין נישט אַרויסצודרייען זיך פון די נאַצישע לאַפּעס און ער בלײַבט אין ביאַליסטאָקער געטאָ. ער לעבט צוזאַמען און קאָלעקטיוו אין קיבוץ תל חי, אָרגאַניזירט דורך דער דרור-יוגנט. אַלע דיסקוסיעס און באַשטימונגען קומען פאָר אויף אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון קאָלעקטיוו. חנוך זשעלאַזנאָגוראַ טרעט שטענדיק אַרויס פאַרן אַקטיוון ווידערשטאַנד. אין זײַן וואָרט אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וואָס איז געוואָרן פאַרפּראָטאָקאָלירט דורך מרדכי טענענבוימען, דריקט זיך אויס חנוך זשזעלאַזנאָגוראַ: „עס זענען נישטאָ קיין שום אילוזיעס, עס דערוואַרט אונדז דאָ אַ ליקווידאַציע ביזן לעצטן ייִד. מיר האָבן פאַר זיך צוויי מעגלעכקייטן פון טויט. דער וואַלד איז נישט קיין רעטונג און אויף זיכער וועט נישט זײַן קיין רעטונג אונדזער אַרויסטריט אין געטאָ. עס איז אונדז געבליבן ווירדיק צו שטאַרבן. די פּערספּעקטיוון פון אונדזער אויפשטאַנד זענען קליינע. איך ווייס נישט צי מיר האָבן גענוג מיטלען צום קאַמף, עס איז די שולד פון אונדז אַלעמען, וואָס די מיטלען זענען אַזוי קליין, אָבער פאַרפאַלן, מיר מוזן אַזוי אויך גיין.״

ביאַליסטאָק וועט ווערן אין גאַנצן ליקווידירט, אַזוי ווי אַלע אַנדערע ייִדישע שטעט. אויב אין דער ערשטער אַקציע זענען רעספּעקטירט געוואָרן די ציגענישן פון די פאַבריקן, גלייבט נישט אַז דאָס מאָל וועט זײַן דאָס זעלביקע. עס איז פאַרשטענדלעך אַז אין וואַלד איז דאָ מער נקמה-מעגלעכקייטן, אָבער מיר טאָרן אַהין נישט גיין כדי צו לעבן אויפן חסד פון פּויער, קויפן זיך עסן און לעבן-מיטל פאַר געלט. גיין אין וואַלד אַרײַן הייסט גיין צו אַקטיווער פּאַרטיזאַנקע. צו דעם זענען אומבאַדינגט נייטיק געהעריקע כלי-זין. אונדזער געווער איז נישט צוגעפּאַסט צום וואַלד, אויב עס וועט אונדז בלייבן אַ געוויסע צײַט, דאַרף מען געפינען וואָפן און גיין אין וואַלד. אויב עס וועט אויסברעכן אַן אַקציע, זענען מיר מחויב צו ענטפערן בײַם ערשטן אַרויסגעפירטן ייִד.

חנוך זשעלאַזנאָגוראַ איז פון די מיטגלידער אין קיבוץ וואָס רופט צום אַקטיוון ווידערשטאַנד. ער איז זייער אַקטיוו אין געטאָ בײַם שאַפן געווער. דורך פאַרשידענע וועגן שאַפט חנוך געווער פאַר דער באַוועגונג. ער לערנט זיך אויס אין געטאָ ווי מען באַגייט זיך מיט געווער און די מעטאָדן פון שלאַכט. חנוך איז געפאַלן קעמפנדיק אין געטאָ-אויפשטאַנד. צווישן די 72 קעמפער וועלכע מען האָט אויפגעדעקט אין בונקער אויף כמיעלנע-גאַס 7. דער בונקער איז געווען אַ צוגעגרייטע פּאָזיציע פון דער ווידערשטאַנד-באַוועגונג, וואָס איז לויט אַ געוויסע השערה געוואָרן פאַראַטן און אַרויסגעגעבן. אַלע קעמפער וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען מיט געווער זענען דערשאָסן געוואָרן דורך די דײַטשן. עס איז מעגלעך, אַז נאָך פיל וואַרשעווער זענען געווען אין זעלבן ברונעם-בונקער. נישט אַלע פאַמיליע-נעמען זענען באַוווּסט.

די פאַמיליע ליכטענשטיין. יאָסל ליכטענשטיין איז געקומען אין דער סאָוועטישער ביאַליסטאָק פון דער אָקופּירטער וואַרשע, מיט זיין פרוי און זון. זיי האָבן זיך אײַנגעאָרדנט און געפירט אַ גליקלעך לעבן, ביז די נאַצי-באַנדיטן האָבן דורך זייער אָנפאַל אויפן ראַטן-פאַרבאַנד צעשטערט נאָך אַ מאָל ליכטענשטיינס נאָרמאַלן לעבן. זייער וווינונג אויף רוזשאַנסקי-גאַס אָדער לינת-הצדק-געסל, ווי מען פלעגט עס רופן אויף ייִדיש, איז געוואָרן די שטוב פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. עס פלעגן קומען שטענדיק חברים אַדורכפירן זיצונגען, אָדער אַזוי שמועסן. די פרוי פייגע פלעגט שטענדיק אַלעמען מכבד זיין מיט אַ טעלער זופּ, וואָס איז אין יענער צײַט בײַ אַ גרויסן טייל געווען די איינציקע שפּײַז. אַלע האָבן געפונען אַ טרייסט בײַ די חברים און אין זייער שטוב. יאָסל ליכטענשטיין איז געווען פאָרזיצער פון לינקן האָלץ-פאַראיין אין וואַרשע און אויך מיטגליד אין קפּפּ״ר פאַרן קריג. אין געטאָ איז יאָסל ליכטענשטיין געווען סעקרעטאַר פון קעמערל פון זײַן גאַס. יאָסל פלעגט כסדר מוטיקן און רופן צום קאַמף. זײַן זון מנשה איז געשיקט געוואָרן פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין דעצעמבער 1943 צו קעמפן אַלס פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער אַרום ביאַליסטאָק. מנשה פאַלט אין קאַמף אַלט זייענדיק 17 יאָר. יאָסל ליכטענשטיין קעמפט אין געטאָ-אויפשטאַנד אויף טשעפּלע-גאַס און פאַלט אין קאַמף צוזאַמען מיט זיין פרוי פייגע.

אהרן אסקאָלא פּסעוודאָנים „ארטור״, געבוירן אין ווארשע. פון די יינגסטע יאָרן געווען אקטיוו אין די קאָמוניסטישע קרייַזן. געענדיקט אַ הויכשול אין ווארשע, געווען אַ גוטער רעדנער. אין ביאַליסטאָקער געטאָ איז אהרן אסקאָלא געווען פון די ערשטע בייַם גרינדן די אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע. נוצט אויס זיין פּאָסטן פון אדמיניסטראַטאָר אין באַדאַנשטאַלט פון געטאָ אויף דורכצופירן אומלעגאַלע זיצונגען פון קאָמיטעט. האָט אויך אייַנגעאָרדנט בייַ זייַן ארבעטפּלאַץ אַ געהיימע דרוקערייַ פון וואַנען עס פלעגט ארויסגיין און פאַרשפּרייט ווערן די געהיימע ליטעראַטור. אין געטאָ־אויפשטאַנד, ווערט אהרן אסקאָלא באַשטימט צו קעמפן אויף טשעפּלע־גאַס, אלס אָנפירער פון אַ גרופּע ווו ער פאַלט העלדיש קעמפנדיק.

פראַנקע פרענקעל אַ טעקסטיל־ארבעטערין, געבוירן אין ווארשע. אין געטאָ־אויפשטאַנד געקעמפט אויף יוראָוויעצקי־גאַס, שפּעטער ציט זי זיך צוריק און קעמפט צוזאַמען אין שטאַב אין איינעם מיט די קאָמאַנדירן. זי פאַלט העלדיש קעמפנדיק אין דער לעצטער שלאַכט.

זנאַמיראָווסקאַ, געבוירן אין ווארשע. האָט געאַרבעט אלס טעכנישע סעקרעטאַרין אין ביאַליסטאָקער געסטאַפּאָ. האָט אויסגענוצט איר פּאָסטן און איבערגעגעבן אינפאָרמאַציעס דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין געטאָ וואָס איז פיל צוניץ געקומען.

טעמע שנייַדערמאַן און האַנקע קאַזשיבראָדסקי געבוירן אין ווארשע, האָבן געאַרבעט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און געווינט אין קיבוץ תל חי. האָבן זיך פאַרנומען אין דער צייַט פון געטאָ מיטברענגען חלוצים פון זייער אָרגאַניזאַציע פון ווילנע קיין ביאַליסטאָק. די אַריבערפירונג האָט געמאַכט אַ דייַטש מיטן נאָמען אַנטאָן שמידט, אַ קאָמוניסט פון ווין, אַ פעלדפעבל אין דער דייַטשער ארמיי. האַנקע קאַזשיבראָדסקי קעמפט אין געטאָ־אויפשטאַנד און פאַלט העלדיש.

חיים ישראל בערמאַן און מאַניעק קראַמארזש געבוירן אין ווארשע, קעמפן אין געטאָ־אויפשטאַנד פון ביאַליסטאָק אויף דער פּאָזיציע פון יוראָוויעצקי־גאַס, ווערן ארומגערינגלט אין אַ הויז דורך דייַטשן און באַוואָרפן מיט גראַנאַטן. ביידע קעמפערס קומען אום אין די פלאַמען פון ברענענדיקן הויז, קעמפנדיק העלדיש ביז דער לעצטער קויל.

חיים און איידל גוטמאַן, פון די רירעוודיקסטע חברים פון דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. געאַרבעט אלס רימערס, זיך פאַרנומען מיט שאַפן געווער, איינשטעלנדיק זייערע לעבנס. געלעבט אין קיבוץ תל חי, אומגעקומען אין געטאָ־אויפשטאַנד קעמפנדיק צוזאַמען אויף דער זעלבער פּאָזיציע.

סטעלאַ פייערשטיין געבוירן אין ווארשע, אומגעקומען אין אויפשטאַנד פון ביאַליסטאָקער געטאָ.

סטעלאַ ראָזענפעלד געבוירן אין ווארשע, אַ מוטיקע קעמפערין אויף טשעפּלע־גאַס, שפּעטער געקעמפט אויף אַנדערע פּאָזיציעס ביז דער לעצטער קויל.

אַדעלאַ הערץ געבוירן אין ווארשע. אומגעקומען קעמפנדיק אין אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ.

העניעק גאָלדשטיין געבוירן אין ווארשע. אין געטאָ פאַרנעמט ער דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון אַ גרופּע אויף טשענסטאָכאָווסקי־גאַס, נעמט אָנטייל אין געטאָ־אויפשטאַנד. נאָכן דערשטיקן דעם בלוטיקן אויפשטאַנד, בלייַבט ער ווייַטער מיט דער קאַמפּסטאַקטיק פון דער אָרגאַניזאַציע פון גיין אין די וואַגאָנעס זיך אויסמישן מיט אַלעמען און שפּרינגען פון לויפנדיקן צוג בכדי זיך צו פאַראייניקן מיט די פּאַרטיזאַנערס אין וואַלד. שפּרינגנדיק פון וואַגאָן קומט העניעק גאָלדשטיין אום.

חווה שוואַרץ פּסעוודאָנים „עווא״, געבוירן אין ווארשע, פאַרן קריג געווען אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אויך אַן אקטיוויסט אין האַנדלס־אַנגעשטעלן־פאַראיין. בייַם אויסבראָך פון קריג אין 1939, שוין אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, גייט זי אַריבער אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע און לעבט זיך אויס פרייַ, ביז דעם באַרבאַרישן אָנפאַל פון נאַציזם אויפן ראַטן־פאַרבאַנד. זי בלייבט שטעקן אונטער די נאַצי־לאַפּעס אין ביאַליסטאָקער געטאָ. חוה איז פון די ערשטע אויף די זיצונגען צו שאַפן די אַנטיפאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע. זי איז געווען באַשטימט פאַר דער פאַרבינדלערין צווישן די סעקרעטאַרן מיטן קאָמיטעט. חוה שוואַרץ צייכנט זיך אויס בייַ דער ערשטער ארבעט פון קאָמיטעט בייַם געבן הילף די סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע. חוהס אויסזען איז געווען „זייער אַ גוטער״ (אלס אַריערן) דאָס האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט זיך צו באַוועגן פרייַ אויסערן געטאָ. זי איז באַשטימט געוואָרן אלס ערשטע פאַרבינדלערין מיט די פּאַרטיזאַנערס און עס איז איר אויך אָנגעטרויט געוואָרן צו זיין פאַרבינדלערין מיט דער אונטערערדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אויסערן געטאָ. אין דער ערשטער פאַרניכטונגס־אקציע אין ביאַליסטאָקער געטאָ, אין פעברואַר 1943, פאַלט חוה שוואַרץ אַרייַן אין דער געסטאַפּאָ און קומט שוין נישט מער צוריק.

רוזשקע אָסיאַש־בוך געבוירן אין ווארשע. פאַר דעם קריג געווען אָנפירערין פון דער קאָמוניסטישער יוגנט אין „פּיאָנער״. נאָכן אָנפאַל פון די נאַציס אויפן ראַטן־פאַרבאַנד בלייבט זי אין ביאַליסטאָקער געטאָ. זי שטעלט זיך גלייך ארבעטן אין דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט איר מאַן משה בוך. רוזשקע אסיאַש שטעלט אַ ווידערשטאַנד אין דער ערשטער פאַרניכטונגס־אקציע, וואָס די דייַטשן פירן דורך איבערן ביאַליסטאָקער געטאָ אין פעברואַר 1943, און קומט אום צוזאַמען מיט איר קינד. איר מאַן משה בוך איז אין דער צייַט געווען אַ קעמפער אין די פּאַרטיזאַנער־רייען פון ביאַליסטאָקער אָטריאַד „פּאָרויס״.

טאַניע ביבער געבוירן אין ווארשע. זי ווערט ארויסגעשיקט צוזאַמען מיט איר מאַן סערגיי פון די ערשטע אין דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע. זי קעמפט די גאַנצע צייַט ביז דעם יאָר 1944 אין אָטריאַד „פּאָדויס״, געשאַפן דורך דער אַנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע פון ביאַליסטאָקער געטאָ. דעם 2טן יאַנואַר קומט פאָר אַ שלאַכט מיט די דייַטשן אין בודיסקער וואַלד. צוליב דעם טיפן שניי, וואָס לאָזט נאָך זיך צייכנס ווו די פּאַרטיזאַנערס געפינען זיך, איז זייער צוריקציִען זיך געווען זייער באַשווערט. די דייַטשן האָבן נאָכגעפאָלגט די קעמפערס אַ גאַנצן טאָג און קעמפענדיק אָן אויפהער זענען אומגעקומען אין העלדישן געראַנגל צען חברים, צווישן זיי טאַניע ביבער און איר מאַן סערגיי און נאָך ווארשעווער וואָס זעערע נעמען זענען נישט באַוווּסט.

וואַצעק בירענצווייַג אָדער בירנבוים, אַ יוגנטלעכער ווארשעווער געטאָ־קעמפער. שפּעטער, נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד פון ווארשע, גייט ער אַריבער מיט אַ גרופּע ווארשעווער געטאָ־קעמפערס אין די וועלדער ארום ווארשע, ווו זיי פאַראייניקן זיך מיט סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע און שאַפן צוזאַמען אַ גרופּע פּאַרטיזאַנערס, וועל־

כע קעמפן אין די ראַיאָנען ארום ווארשע. ווען איך האָב זיי באַקענט זענען אַלע פון דער גרופּע געגאַנגען מער אויף מזרח, צוליב דער פּוילישער א"ק־באַוועגונג אין די וועלדער וועלכע האָבן זיי געשטערט אין קאַמף און פיל פון זיי אין שלאַכטן אומגעברענגט. א קליין רעשטל פון סאָוועטישע בירגערס און וואַצעקן האָבן מיר געטראָפן נאָענט פון קרינקער וואַלד און זיי אַרײַנגענומען אין אונדזער פּאַרטיזאַנער־גרופּע צו קעמפן צוזאַמען.

וואַצעק צייכנט זיך אויס אַלס געשיקטער און גוטער קעמפער. נאָך דער באַפרײַונג פון אונדזערע געביטן טרעט וואַצעק אַרײַן ווייטער צו קעמפן אין דער רויטער ארמיי, כדי העלפן צו באַפרייען זיין הויפּטשטאָט און היימשטאָט ווארשע. שפּעטער פאַלט ער אין קאַמף אַלס רויטאַרמייער.

משה בוז, פּסעוודאָנים „מאַרעק". געבוירן אין ווארשע. איז שלאַנק הויך און בלאָנד, מיט העלע אויגן — אַן אויסזען פון א פּאָליאַק; דאָס גיט אים די מעגלעכקייט צו זײַן פאַרבינדלער פון דער אנטיפאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע. פון די רירעוודיקסטע פאַרבינדלערס אין דער באַוועגונג פון געטאָ אין וואַלד און שפּעטער אין וואַלד, פון איין גרופּע מיט דער צווייטער. אויף זײַן ארבעטספּלאַץ, נאָכן ארויסגיין פון געטאָ, אין געוועזענעם 10טן פּאָלק אולאַנער־קאָשאַרן, אָרגאַניזירט מאַרעק דאָס ברענגען געווער פאַר דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. ער איז פון די ערשטע מיטגלידער און גרינדער פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג און פון די ערשטע אין די פּאַרטיזאַנער וועלדער. מיטגליד אין פּאַרטיזאַנער־שטאַב, ווערט ער ארויסגעשיקט אין 1943 אָנצובינדן קאָנטאַקט אין די ביאַלאָוועזשער וועלדער מיט דעם סאָוועטישן אָטריאַד אויפן נאָמען פון קאַלינין. צוזאַמען מיט עלע וואַראַט פירט ער אויס זײַן ארבעט אויף הונדערט פּראָצענט, קומט און גיט איבער אין קאַלינין־אָטריאַד וועגן אונדזער קאַמף און אונדזער גרופּע. אין א קורצער צײַט ארום קערט ער זיך אום צו אונדז צוזאַמען מיט נאָך קעמפערס און נעמט מיט חברים פון אונדז פאַר דער סאָוועטישער גרופּע. ביז דער באַפרײַונג בלײַבט שוין מאַרעק קעמפן אין סאָוועטישן אָטריאַד קאַלינין. נאָך דער באַפרײַונג טרעט ער אַרײַן אין די „איסטרעביטעלנע" גרופּעס געשאַפן דורך דער רויטער ארמיי אין קאַמף קעגן די פאַשיסטישע בראָדיאַגעס וואָס שלעפּן זיך ארום אין די וועלדער און ברענגען פיל שאָדן דער רויטער ארמיי און דער ציווילער באַפעלקערונג. משה בוך איז לעבן געבליבן און ער געפינט זיך איצט אויף א פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן פון דער נײַער פאָלקס־פּוילישער רעגירונג. ער העלפט מיט צו פאַרווירקלעכן זײַן אידעאַל פאַר וועלכן ער האָט זײַן גאַנץ לעבן געקעמפט העלדיש.

„גוטע מענטשן, שענקט אויף
א שטיקל ברויט"

בער מאַרק (וואַרשע)

דער פּראָצעס פון יורגען סטראָאָפּ און פראַנץ קאָנראַד

וואָס האָט ער געגעבן דער פאָרשונג פון דער געטאָ־אויפשטאַנד־געשיכטע?

.1

ווער האָט געפעלט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק?

אין די טעג פון 18טן ביזן 22טן יולי 1951 איז פאָרגעקומען אין וואַרשע, פאַר אַ ספּעציעלער דרייַפּערזאָניקער קאָלעגיע פונעם וואַרשעווער וואָיעוואָדישן געריכט, דער פּראָצעס פון דעם ליקווידאַטאָר פון וואַרשעווער געטאָ און פונעם געטאָ־אויפשטאַנד עס־עס־גענעראַל יורגען סטראָאָפּ Jurgen Stroop און פון דעם לייטער פון דער „ווערטערפאַסונגסשטעללע" אין וואַרשעווער געטאָ עס־עס־אָפיציר פראַנץ קאָנראַד Franc Konrad. לכתחילה איז דער פּראָצעס פאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ געמיינזאַמער פאַר אַלע דרייַ הויפּשולדיקע בייַם ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ זינט דעם 22טן יולי 1942 ביזן דערשטיקן דעם אויפשטאַנד אייַנשליסלעך, דאָס הייסט — סטראָאָפּ, קאָנראַד און הערמאַן העפלע, גלאָבאָצניקס פאַרטרעטער, וועלכער איז ספּעציעל אַראָפּגעשיקט געוואָרן אין יולי 1942 קיין וואַרשע כדי דורכצופירן די ערשטע „אויסזידלונג", וועלכע האָט אייַנגעשלונגען איבער 300 טויזנט יידן. די אַמעריקאַנישע אָקופּיר־מאַכט אין עסטרייַך, ווו עס געפינט זיך העפלע, האָט אָבער אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן דעם דאָזיקן פעלקער־מערדער, ברעכנדיק אַזוי אַרום די אינטערנאַציאָנאַלע באַשלוסן, די אונטערגעשריבענע אויך דורך אַמעריקע און ענגלאַנד, לויט וועלכן יעדן פעלקער־מערדער דאַרף מען משפּטן אויף דעם אָרט ווו ער איז באַגאַנגען זייַנע רציחות. פּונקט אַזוי איז נישט געלונגען דער פּוילישער פּאָלקסיוסטיץ אַרויסצובאַקומען פון אויסלאַנד דעם תלין פון די וואַרשעווער יידן, דעם ספּעציעלן געסטאַפּאָ־ממונה איבערן געטאָ בראַנדט, דעם פאַבריקאַנט וואַלטער־צעזאַר טעבענס, וועלכער איז געווען ערב דעם געטאָ־אויפשטאַנד קאָמיסאַר פאַר „אויסזידלען" די יידן, דעם גענעראַל־לייטענאַנט פון ווערמאַכט ראָססום, דעם אָנפירער פון דעם היטלעריסטישן מיליטערישן גאַרניזאָן אין וואַרשע בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד (ער האָט זיך געפונען לעצטנס אין פראַנקרייַך) און אַנדערע. די געוואַלדיקע גרויליקייט און דער ריזיקער פאַרנעם פון דעם פעלקערמאָרד איבערן וואַרשעווער יידנטום פאַרלאַנגט אַן אַנטשפּרעכנדיקן ריזיקן פּראָצעס, ווו אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק זאָל זיצן די גאַנצע גאַלעריע היטלעריסטישע פאַרברעכער, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט אויספּייַניקן און פאַרטיליקן די וואַרשעווער יידן, ווייַל נאָר אַזוי אַרום וואָלט געקאָנט געשאַפן ווערן כאָטש אין אַ באַשיידענער פאָרעם אַ בילד פון דער מאָנסטער־רציחה און נאָר אַזוי אַרום וואָלט באַפרידיקט געוואָרן אין אַ באַשיידענער מאָס דאָס געפיל פון גערעכטיקייט און פון מידת־הדין. און אויב עס איז אַזוי נישט געשען, טראָגט דערפאַר די שולד די רעמיליטאַריזיר־פּאָליטיק פון די אַנגלאָ־זאַקסישע אָקופּאַנטן אין מערב־דייַטשלאַנד און עסטרייַך. די פּוילישע פּאָלקסיוסטיץ האָט געגוג לאַנג געוואַרט מיט סטראָאָפּס פּראָצעס, אפשר וועלן אַרויסגעגעבן ווערן די אַנדערע מיטבאַטייליקטע אינעם פעלקערמאָרד איבער די וואַרשעווער יידן, וועלכע געפינען זיך אין די מערבדיקע זאָנעס. און ווען עס איז קלאָר געוואָרן אַז, די באַמיִונגען וועלן צו גאָרנישט דערפירן, איז צוגעגרייט געוואָרן דער פּראָצעס בלויז קעגן סטראָאָפּן און קאָנראַדן.

ווען אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק וואָלטן אויך געזעסן העפלע, ראָססום, בראַנדט, טעבענס, וואָלט דער פּראָצעס געקאָנט אַרויסברענגען אַלע געביטן פון דער היטלעריסטישער אונטערדריקונג־ און פאַרטיליקונג־מאַשין — די ריינהאַרדט־אַקציע אונטער אָדיל גלאָבאָצניקס אָנפירונג (העפלע און קאָנראַד), די פאַבריקאַנטיש־סוחרישע אונטערנעמער (טעבענס), די ווערמאַכט (ראָססום), די פּאָליציי און עס־עס (סטראָאָפּ און בראַנדט). מיט דעם שעפּט זיך, נאַטירלעך, נישט אויס די גאַלעריע פון די היטלעריסטישע פעלקערמערדער, וועלכע טראָגן די דירעקטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר אויספּייַניקן, פאַרטיליקן און שיקן צום טויט די וואַרשעווער יידן. אין אַ צעשטערטער און אָפּגעבליאַקעוועטער פּויליש־געשריבענער מאַשינשריפט, וועלכע איז געפונען געוואָרן אין אַ קעלער אין זשאָליבאָזש בייַם פּוילישן אַרבעטער־טוער טראָיאַנאָווסקי און וואָס געפינט זיך אַצינד אינעם אַרכיוו פון יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, האָבן די יידישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס אונדז איבערגעלאָזט אַ רשימה פון די היטלעריסטישע פעלקערמערדער, וועלכע זענען דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער יידנטום; אָט זענען זיי: דער קאָמיסאַר איבערן געטאָ אויערסוואַלד Auerswald, דער אָבערשטורמפירער בראַנדט Brandt, דער אָבערשטורמפירער מענדע Mende, די אָבערשטורמפירער וויטאַסעק Witasek, קלאָסטערמייַסטער Kiostermayer, בלעשער Bloescher, האַנדטקע Hantke, די העכערע אָפיצירן פון אייַנזאַץ ריינהאַרט העפלע Hoefle און מיכאַלסען Michalsen, דער הויפּטשטורמפירער גייַפּעל Geipel, קאָנראַד מינסטערמאַן Muensterman, און סטראָאָפּ. וועגן דעם לעצטן ווערט אינעם כתב־יד געזאָגט אָט־וואָס:

(סטראָאָפּ) גענעראַל פון עס־עס, דער תלין פון די וואַרשעווער יידן. געפירט די אַפּריל־אַקציע אין (וואַרשעווער גע־

טאָ), ברענענדיק און אויפרייַסנדיק 500 הייַזער, צ״אַנד די סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע, (וועלכע האָט זיך געפונען) אויסערן תחום פון געטאָ זינט אַ לענגערער צייַט. זייַן אויפטו זענען טויזנטער (ייִדן) פאַרברענט אין בונקערס אין געטאָ, אָדער דערשאָסענע דורך עס־עס... און ליטווישע שאַוליסטן. אַזוי האָט ער אויך געפירט די פאַרניכטונגס־אַקציע... זיך אויסגעצייכנט מיט אויסערגעוויינלעכער אכזריות און ריקזיכטלאָזיקייט.

... אָקטאָבער אין גריכנלאַנד, דער „פאַציפיקאַטאָר" פון דער דאָרטיקער רעוואָלוציאָנערער באַפעלקערונג.

אין דער דאָזיקער רשימה פעלן די נעמען פונעם גובערנאַטאָר לודוויק פישער, פונעם אָנפירער פון דער פאָליציי און עס־עס אין וואַרשעווער דיסטריקט זאַממערן־פראַנקענעגג, וועלכער האָט אָרגאַניזירט די יאַנואַר־אַקציע און איז דעם 19טן אַפריל אין דער פרי באַזייַטיקט געוואָרן דורך סטראָאָפן, פון דעם שעף פון דער וואַרשעווער זיכערקייטס־פאָליציי ד״ר האַהן, פון דעם פאַבריקאַנט וו. צ. טעבענס, פון דעם ווערמאַכט־גענעראַל ראָססום און פון אַנדערע. וועגן פישערן איז באַוווּסט, אַז ער לעבט שוין נישט. פישער איז פאַרמשפט געוואָרן צום טויט אין וואַרשע; דער טויטאורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן. זאַממערן־פראַנקענעגג זאָל האָבן אומגעקומען בעת דער מלחמה. גלאָבאָצניק זאָל זיך האָבן אַליין גענומען דאָס לעבן אין ווין. וועגן ד״ר האַהן האָבן מיר נישט קיין ידיעות. טעבענס האָט זיך מיט אַ לאַנגער צייַט צוריק געפונען אין איינער פון די מערב־זאָנעס, און ער איז פונקט ווי בראַנדט אויף אַ סודותדיקן אופן נעלם געוואָרן אין לויף פון די באַמיִונגען פון דער פוילישער רעגירונג זיי אַרויסצובאַקומען. וועגן דער ראָלע פון דעם ווערמאַכט־גענעראַל ראָססום בייַם ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ האָט מיטגעטיילט קאַרל קאַלעסקע, זאַממערן־פראַנקענעגגס און שפעטער סטראָאָפס אַדיוטאַנט בעת דער געטאָ־ליקווידאַציע — אין זייַן דערקלערונג אין קריגס־געפאַנגענשאַפט אין אָבערורסעל אין דייַטשלאַנד, פאַר די אַמעריקאַנישע אויספאָרשונגס־אָפיצירן רודאָלף אורבאַך און ראַלף וואַרטענבערג, דעם 20טן דעצעמבער 1945. אויפן סמך פון קאַלעסקעס דערקלערונג דאַרף מען די רשימה פון די דירעקטע שולדיקע היטלעריסטן פאַר ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ פאַרגרעסערן. קאַלעסקע גיט אָן אָט וואָס אינעם פונקט 5 פון זייַן דערקלערונג:

Personen und Einheiten, die an der Ghetto-Aktion beteiligt waren:

1) ca. 1.000 Mann des SS Panzergrenadiere unter der Führung von SS-Ostubaf. Bellwid,

2) ca. 1.000 Mann des SS Kavallerie-Abteilung (Fegelein) unter Führung von SS-Hauptsturmführer Plenck,

3) Stroop als Befehlshaber der Aktion,

4) Gouverneur Dr. Fischer, der die Vorgänge billigte und von Stroop regelmässig Bericht über den Stand der Aktion erhielt,

5) General Rossum, der 2 Geschütze und 1 Pionerabteilung seiner Einheit, Namen unbekannt, zur Verfügung stellte,

6) der Befehlshaber der Sicherheitspolizei, SS Obersturmbannführer Dr. Hahn,

als weitere Angehörige der Sicherheitspolizei:

SS Hauptsturmführer Wittossek,*)

SS Untersturmführer Brandt,

SS Oberscharführer Rundt,

,, ,, Orf oder Orth,

Ob Dr. aKh, SS-Sturmbannführer, an der Aktion beteiligt war, ist mir nicht bekannt.

ייִדישע איבערזעצונג:

5 פערזאָנען און איינהייטן, וועלכע האָבן אָנטיילגענומען אין דער געטאָ־אַקציע:

1) אַרום 1.000 פערזאָן עס־עס־פאַנצער־גרענאַדירן אונטער דער אָנפירונג פון עס־עס־אָבערשטורמבאַנפירער בעללוויד,

2) אַרום 1.000 פערזאָן פון דער קאַוואַלעריע־אָפטיילונג (פעגעלייַן) אונטער דער אָנפירונג פון הויפטשטורמפירער פלענק,

3) סטראָאָפ ווי דער אָנפירער מיט דער אַקציע,

4) גובערנאַטאָר ד״ר פישער, וועלכער האָט די געשעענישן אַפראָבירט און דערהאַלטן רעגולער פון סטראָאָפן באַריכטן וועגן דעם צושטאַנד פון דער אַקציע,

5) גענעראַל ראָססום, וועלכער האָט געשטעלט צו דיספּאָזיציע צוויי האַרמאַטן און איין פיאָנערן־טייל פון זייַן אָפטיילונג,

6) דער שעף פון דער זיכערקייטס־פאָליציי עס־עס־אָבער־שטורמבאַנפירער ד״ר האַהן,

ווי די ווייַטערדיקע אָנגעהעריקע צו דער זיכערקייטס־פאָליציי:

עס־עס־הויפטשטורמפירער וויטאָסעק,

עס־עס־אונטערשטורמפירער בראַנדט,

עס־עס־אָבערשאַרפירער הונדט,

עס־עס־אָבערשאַרפירער אָרף אָדער אָרט.

צי עס־עס־שטורמבאַנפירער ד״ר קאַה האָט זיך באַטייליקט אין דער אַקציע איז מיר נישט באַוווּסט.

אַזוי אַרום קומען צו די נעמען פונעם שטורמבאַנפירער בעלוויד, פונעם הויפטשטורמפירער פלענק און פון די אָבערשאַרפירער הונדט און אָרף (אָדער אָרט). אומדירעקט איז אויך אַנגאַזשירט פעגעלייַן, וועלכער איז געשטאַנען אין שפיץ פון דער עס־עס־קאַוואַלעריע אין וואַרשע.

וואָס שייַך דעם ווערמאַכט־גענעראַל ראָססום, איז באַוווּסט אַז אָנהייב אַפריל 1951 איז ער געשטאַנען פאַר אַ פראַנצויזישן געריכט, באַשולדיקט אין מאָרדן פראַנצויזישע פויערים אין דער לעצטער צייַט פון דער מלחמה. דאָס פראַנצויזישע געריכט האָט, ליידער, דעם פאַרברעכערישן היטלעריסטישן גענעראַל געלאָזט פרייַ.

---

*) דאָס איז דער זעלבער וואָס ווערט פריִער אָנגערופן Witasek.

אַזוי אַרום האָבן אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק אין וואַרשעווער געריכט געדאַרפט זיצן אַ סך מער רוצחים, בפרט אַז סטראָאָפּס טעטיקייט אין וואַרשע הייבט זיך אָן פון 19טן אַפּריל 1943 גופא (געקומען איז ער קיין וואַרשע דעם 17טן אַפּריל), און דאָס ערשטע ליקווידירן העכער 300 טויזנט יִדן און אויך די גאַנצע צוגרייט־ און פּאַרטיליק־אַרבעט ביזן לעצטן אַקט פון אַפּריל־מײַ 1943 איז געטאָן געוואָרן דורך אַנדערע. דעריבער איז באַזונדערס וויכטיק און נייטיק געווען אַוועקצוזעצן אין איינעם מיטן באַשולדיקטן סטראָאָפּ דעם אָנגעקלאָגטן קאָנראַד, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט די גאַנצע קייט פון גזירות, ובפרט די ווירטשאַפטלעכע אויסרויבונג פון דער גאַנצער צײַט ביזן אָנקומען פון יורגען סטראָאָפּ. אָבער פאַר אונדזער איצטיקער טעמע איז קודם כל וויכטיק סטראָאָפּ אַליין.

סטראָאָפּ איז אין לויף פון די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען און אין ליכט פון זײַנע דערקלערונגען און ענטפערס אַרויסגעקומען ווי אַ טיפּישער היטלעריסט, וועלכער האָט זיך לחלוטין נישט געענדערט. מיט אַן אומפאַרשעמטן ציניזם און איינצײַטיק פּחדנות האָט ער געדעקט זײַנע מעשים, פאַררופנדיק זיך אויף דער... האַאַגער קאָנווענץ, וועלכע דערלויבט צו הרגענען בעת מלחמה „באַנדיטן". סטראָאָפּס ציניזם וועלן כאַראַקטעריזירן די ווײַטערדיקע עטלעכע ענטפערס אויף די פראַגעס פונעם פּראָקוראָר.

פּראָקוראָר פּענער: צי אין רעזולטאַט מיטן באַקענען זיך מיט דער האַאַגער קאָנווענץ האַלט דער באַשולדיקטער זײַן האַנדלונג פאַר אַזאַ, וואָס איז אין הסכם מיט אירע פּונקטן?

באַשולדיקטער סטראָאָפּ: יאָ.

פּראָקוראָר: ווי מיינט דער באַשולדיקטער, צי האָט דײַטשלאַנד דורכגעפירט אַן אַגרעסיע אויף פּוילן און אויף אַנדערע לענדער,

באַשולדיקטער: איך בין נישט קיין פּאָליטיקער.

פּראָקוראָר: צי האַלט דער באַשולדיקטער אין הסכם מיט זײַן געוויסן די האַנדלונג פון מאָרדן קינדער?

באַשולדיקטער: איך האָב זיך באַמיט אין מײַן לעבן שטענדיק צו האַלטן ריטערלעך. דאָס איז דאָס העכסטע גוטס וואָס עס האָבן גענאָסן פון מיר מײַן פרוי און מײַנע קינדער. איך האָב זיך באַמיט אין מײַן לעבן אָט די ריטערלעכקייט, מיט וועלכער איך האָב זיך באַצויגן צו מײַן פרוי, אויסברייטערן אויף אַנדערע פרויען.

פּראָקוראָר: צי הײַנט, אין ליכט פון דעם וואָס ער האָט געהערט, אין ליכט פון די מאַטעריאַלן וואָס זענען אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין לויף פון דער אויספאָרשונג, האַלט זיך נאָך דער באַשולדיקטער פאַר אַ זעלנער?

באַשולדיקטער: איך האָב שטענדיק אין לעבן געהאַנדלט ווי אַ זעלנער. איך בין שטענדיק געווען אַ זעלנער און מיר דאַכט זיך אַז איך קאָן נישט אַרויסקריכן פון מײַן הויט. 1)

אויף דער פראַגע פונעם פּראָקוראָר, ווי ער באַציט זיך הײַנט צום אַנטיסעמיטיזם, ענטפערט סטראָאָפּ, אַז ער האָט געהאַט אין זײַן היימשטעטל אין דײַטשלאַנד גוטע יִדישע שכנים און אַז ער האָט פאַרבאָטן אין זײַן היים צו לייענען שטרײַכערס „שטירמער". אַ צוגעדריקטער צו דער וואַנט דורכן פּראָקוראָר, ענטפערט סטראָאָפּ, אַז ער האָט געקענט די אַנטיסעמיטישע פּראָגראַם פון נסדא"פּ, צו וועלכער ער האָט געהערט, און אַז ער איז געווען אַן אָנהענגער פון באַזײַטיקן די יִדן פון דײַטשלאַנדס לעבן. בנוגע די גרויל־מעשים אין וואַרשעווער געטאָ פאַררופט ער זיך אויף די באַפעלן וואָס ער האָט באַקומען פון אויבן, פון הימלערן און קריגערן; „מײַן זאַך, ווי אַ סאָלדאַט, איז נישט געווען אַרײַנצוקוקן אינעם אינהאַלט פון די באַפעלן". בלויז אין איין מאָמענט, צוגעקוועטשט צו דער וואַנט, כאַפּט זיך בײַ סטראָאָפּן אַרויס, אַז ער האָט אין וואַרשע געטאָן אַ שלעכטע זאַך. אָבער אויף צו מאָרגנס כאַפּט ער זיך צוריק און ענטפערנדיק אויף אַ פראַגע, ציט ער זיך צוריק פון דער נעכטיקער דערקלערונג. ער האַלט אַז ער איז אין וואַרשעווער געטאָ געווען פולשטענדיק אין אָרדענונג, ווײַל אין געטאָ איז געווען אַן אויפשטאַנד, וואַרשע האָט פאַרמאָגט אַ וויכטיקע קאָמוניקאַציע־באַדײַטונג און דאָס „פאָטערלאַנד" איז געווען אין אַ מלחמה־צושטאַנד, אין געפאַר.

אַזוי ווי דאָס טרעפט ס'רוב מיט די היטלעריסטישע פעלקערמערדער, ווען זיי שטייען פאַרן אויספאָרשונגס־ריכטער אָדער פאַרן טריבונאַל, האָט אויך סטראָאָפּ געזאָגט אמת ווען ער האָט גערעדט וועגן קאָנראַדן, ד"ה — וועגן אַ צווייטן. ער האָט אויך געבראַכט אַ ריי וויכטיקע מאָמענטן וועגן דעם געטאָ־אויפשטאַנד. אָבער וואָס שײַך דער אייגענער טעטיקייט, זענען זײַנע דערקלערונגען און תשובות געווען אַ געמיש פון ציניזם, אָנשטעל און ליגן. דעם ציניזם זײַנעם האָבן מיר שוין אַרויסגעבראַכט אין די אויבן ציטירטע ענטפערס, אין זײַן פאַררופן זיך אויף דער האַאַגער קאָנווענץ און אויף זײַן ריטערלעכער באַציִונג צו פרויען. — אַ שטאַרקן ענטפער אויף דעם ציניזם האָבן געגעבן די עדות, וועלכע האָבן אַליין אַדורכגעמאַכט די בונקער־אויפרײַסן און דעם אומשלאַגפּלאַץ. דער פערפידער אָנשטעל קומט צום אויסדרוק אין סטראָאָפּס פאָרשטעלן זיך ווי אַ סאָלדאַט, וואָס אָריענטירט זיך נישט כלומרשט אין פּאָליטיק. כאַראַקטעריסטיש פאַר זײַן ליגנערײַ זענען די דרייענישן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַשולדיקונג פון דערשיסן הונדערט פּוילישע ערבות־לײַט דעם 16טן יולי 1943 פאַרן וואַרפן דורך דער פּוילישער אונטערערד (גוואַרדיאַ לודאָוואַ) דעם 15טן יולי 1943 אַ גראַנאַט אויף אַ קאָלאָנע מאַרשירנדיקע ס"א־לײַט אויף דער פּיוסגאַס; אין רעזולטאַט זענען געפאַלן העכער 10 פאַרוווּנדעטע ס"א־לײַט. זייענדיק נאָך אין געפאַנגען־לאַגער אין מערב־דײַטשלאַנד, האָט סטראָאָפּ דערקלערט, אַז די 100 ערבות־לײַט זענען דערשאָסן געוואָרן דורך דער זיכערקייט־פּאָליציי (סיפּאָ) אויף זײַן, סטראָאָפּס, עצה נאָכן פאַרשטענדיקן זיך מיטן גובערנאַטאָר פישער2) בעת דער אויספאָרשונג אין וואַרשע האָט סטראָאָפּ געגעבן אַן אַנדער תירוץ: און דעם באַפעל צו דערשיסן האָט געגעבן פישער, און ער, סטראָאָפּ, האָט עס איבערגעגעבן האַהנען פון דער זיכערקייט־פּאָליציי אויסצופירן. אויפן געריכט האָט סטראָאָפּ געפונען אַ פרישן תירוץ: אַז פישער האָט אים געבראַכט אַ פאַרטיקן פּלאַקאַט מיט דעם אונטערשריפט „פּאָליציי־ און עס־עס־פירער", און ער, סטראָאָפּ, האָט שוין נישט געהאַט קיין עצה. 3)

---

1) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, צווייטער טאָג, זײַטן 37, 38 און 59. (וואָיעוואָדישער געריכט פאַר וואַרשע, 6טער שטראָף־אָפּטיילונג, סיגנאַטור: 6 ק 222/50).

2) דער אַקט נומי 192 פון דער פּוילישער מיליטערישער מיסיע אין בערלין, זײַטן 135—137, אין די פּראָצעסאַקטן.

3) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, צווייטער טאָג, זײַטן 70 און 71.

די תירוצים פונעם באַשולדיקטן סטראָאָפּ פאַרן געריכט האָבן אָפּט מאָל געקלונגען זייער נאַריש. אַזוי, למשל, האָט ער זיך גערימט, אַז ווען ער איז אָנגעקומען האַרבסטצייַט 1943 קיין גריכנלאַנד אויפן פּאָסטן פון העכערן פּאָליציי־ און עס־עס־פירער, האָט אים די באַפעלקערונג אומעטום באַגעגנט מיט וויַין אָדער: אַז ער פלעגט ביַי נאַכט ספּעציעל צוריקציִען דאָס מיליטער פון ברענענדיקן געטאָ, כדי צו געבן די ייִדן אַ מעגלעכקייט אַרויסצוגיין פון די בונקערס. עס האָט אויך נישט געפעלט אין זייַנע דערקלערונגען קיין ווּנק צו מערב־דייַטשלאַנד און צו דער דאָרטיקער רעמיליטאַריזאַציע, בעת ער האָט זיך פאַררופן אויפן איצטיקן מיליטערישן ראַטגעבער פון דער באָנער „רעגירונג” גענעראַל־לייטענאַנט שפּיידעל, וועלכער איז געווען בשעת זייַן גריכישן פּעריאָד אָנפירער פון דער ווערמאַכט אין גריכנלאַנד און וועלכער „לעבט זיכער הייַנט און שפּילט אַ ראָלע (אין מערב־דייַטשלאַנד). 4)

די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען און סטראָאָפּס האַלטונג גופא האָבן נאָך אַ מאָל דערוויזן, פאַר וואָס איז דווקא אָט דער גענעראַל אָנפאַרטרויט געוואָרן דורך דער העכסטער אינסטאַנץ פון דער היטלעריסטישער פּאָליציי די ראָלע פון דעם ליקווידאַטאָר פון וואַרשעווער געטאָ, פון דעם דערשטיקער פון דער ייִדישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין וואַרשע.

2.

פאַר וואָס איז סטראָאָפּן אָנפאַרטרויט געוואָרן די מיסיע צו ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ

אַ בליק אין דער פּאָליטישער לאַגע וואָס האָט זיך געשאַפן אין וואַרשע ביַי דער שקיעה פונעם יאָר 1942 איז נייטיק, כדי צו פאַרשטיין די ספּעציעלע גערייצטקייט, וואָס האָט זיך געשאַפן אינעם אָקופּאַנטישן לאַגער אין שייכות מיט דער געפאַר מצד דער וואַרשעווער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, פּוילישער ווי ייִדישער.

אין האַרבסט 1942 הייבט אָן אַלץ מער צו ברענען דער באָדן אונטער די פיס פון די היטלעריסטן אין וואַרשע. אַ גלענצנדיקע אילוסטראַציע צו דער לאַגע זענען די מאָנאַט־ראַפּאָרטן פון דעם וואַרשעווער גובערנאַטאָרישן דיסטריקטאַמט צו דער א"ג רעגירונג פון דער גענעראַל־גובערניע אין קראָקע. די דאָזיקע ראַפּאָרטן געפינען זיך אינעם אַרכיוו פון פּויזנער „מערב־אינסטיטוט”. די ראַפּאָרטן עפענען פאַר אונדז אַ בילד פון אַן אויפשטייַגנדיקער כוואַליע שוין נישט פון פּאַסיוון, נאָר פון אַקטיוון ווידערשטאַנד. אָט איז איין אויסשניט פונעם ראַפּאָרט פאַרן חודש סעפּטעמבער 1942: „טאָג איַין טאָג אויס קומען אָן פון די מיזרחדיקע פּאָוויאַטן מעלדונגען פון די פּאָליציי־פּאָסטנס וועגן אָנפאַלן, אַטענטאַטן, מאָרדן” (איבערגעזעצט פון דייַטשן אָריגינאַל). אין דער אָפּיציעלער היטלעריסטישער שפּראַך הייסט עס: אָנפאַלן פון באַנדעס. אָבער מיר ווייסן דאָך פון הימלערס אינסטרוקציע וועגן אָנרופן אין די ראַפּאָרטן און מעלדונגען די פּאַרטיזאַנער מיטן נאָמען „באַנדעס”. אינעם ראַפּאָרט פאַר אָקטאָבער 1942 טיילט מיט דער וואַרשעווער דיסטריקטאַמט וועגן אַטענטאַטן אויף פאַרשידענע באַנקנופּן, אויפן קאַפעקלוב און וואָקזאַל־רעסטאָראַן פאַר אָפיצירן אין וואַרשע, וועגן דער פאַרשטאַרקונג פון די „באַנדעס”, וועגן סאַבאָטאַזש־אַקטן, וועגן דעם אַז די באַפעלקערונג דרייט זיך אַרויס פון קאָנטינגענטן און אַרבעט. דער ראַפּאָרט פאַר נאָוועמבער דערציילט וועגן 216 אָנפאַלן און סאַבאָטאַזש־אַקטן און שטרייַכט אונטער, אַז אין דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג באַטייליקן זיך צו גלייַך מיט פּאָליאַקן אויך ייִדן און ייִדישקעס, אַנטלאָפענע פון וואַרשעווער געטאָ. דער ראַפּאָרט פון דעצעמבער שטעלט פעסט, אַז „די לאַגע אין הינזיכט פון זיכערקייט האָט זיך זייער וועזנטלעך פאַרערגערט”.

אין דער געפאַר, וואָס עס האָט געשאַפן פאַרן אָקופּאַנט אין וואַרשע די פּוילישע אַנטיפאַשיסטיש־פּאַטריאָטישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך שטאַרק אַקטיוויזירט, בעיקר נאָך סטאַלינגראַד, האָט אַ גאַנץ גרויסע ראָלע געשפּילט דער ווידערשטאַנד־כוח פון געטאָ. די געפאַר איז נאָך גרעסער געוואָרן צוליב דעם, וואָס אין האַרבסט 1942 הייבן זיך אָן די אַרויסשיקונגען פון די פּוילישע פּויערים פון זאַמאָשטשער קאַנט, און די מעטאָדן פון זייער „איבערזידלונג” דערמאָנען שטאַרק די מעטאָדן וואָס זענען אָנגעווענדעט געוואָרן לגבי ייִדן. די כסדרדיקע וואָרענונגען פון דער פּפּ"רישע פּרעסע, אַז נאָך די ייִדן וועט זיך דער אָקופּאַנט נעמען צו פּאָליאַקן, האָבן זיך אין די אויגן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט גענומען באַשטעטיקן. אויף דער אינסטרוקטיווער קאָנפערענץ מיט די פּאָליטישע לייטערס פונעם „אַרבעטסבערייך” פון נסדאַ"פּ אין דער גענעראַל־גובערניע, דעם 14טן דעצעמבער 1942, האָט טאַקע צוליב דעם פראַנק אויסגעדריקט זייַן אומרו. 5) עס האָט דעם אָקופּאַנט געדראָט די סכנה, אַז די ענלעכקייט פון גורל קאָן דערנענטערן ביידע ווידערשטאַנד־כוחות פון ביידע זייַטן געטאָ־מויער. עס שטרייַכט אונטער דעם דאָזיקן מאָמענט אויך סטראָאָפּ אין זייַנע צוגאָב־דערקלערונגען, וואָס ער האָט געגעבן אויף דער אַנקעטע פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט. דער גובערנאַטאָר פישער און דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון שטאָט (וואָרשייַנלעך גענעראַל ראָססום) האָבן אויף אַ קאָנפערענץ מיט סטראָאָפּן באַלד נאָך זייַן קומען קיין וואַרשע געוואָרנט, ער זאָל טאָן אַלץ נישט צוצולאָזן צו אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד אין וואַרשע. סטראָאָפּ רעדט וועגן דעם גענוי אין זייַן ענטפער אויף דער דערמאָנטער אַנקעטע: „זיי זאָגן, אַז אַן אויפשטאַנד אין געטאָ קאָן ווערן אַן אָנהייב פאַר אַן אַלגעמיינעם אויפשטאַנד אין וואַרשע”. ער חזרט דאָס איבער אויפן פּראָצעס, דערקלערנדיק: „איצט קאָן איך עס זאָגן אָפן. גענעראַל ראָססום האָט געבעטן ווי צום שנעלסטן צו ליקווידירן דעם געטאָ־אויפשטאַנד, ווייַל ווען עס ברעכט דעמאָלט אויס אַן אויפשטאַנד אין גאַנץ וואַרשע, וואָלטן די אָרטיקע מיליטערישע און פּאָליציייִשע כוחות נישט געסטייַעט אים צו דערשטיקן. און וואַרשע איז געווען אַ וויכטיקער קאָמוניקאַציע־צענטער צווישן רייַך און דעם מיזרח־פראָנט”. 6) אמת, צו הילף איז דעם אָקופּאַנט געקומען די רעכטע פּוילישע אונטערערד, וועלכע האָט באַלד, ווי עס זענען אָנגעקומען די ידיעות פון דער זאַמאָשטשער געגנט און וועגן דעם ערשטן ווידערשטאַנד פון די פּויערים, גענומען אין איר פּרעסע שטאַרק אַגיטירן און וואָרענען קעגן אַקטיוון קאַמף. די דאָזיקע פּרעסע האָט „געשטעמפּלט” די רופן צו אַקטיוון ווידערשטאַנד אַלס שטימעס פון „מאָסקווער אַגענטן”, אויפגעפאָדערט דאָס פאָלק צו בלייַבן אויף דער פּאָזיציע פון פּאַסיוון אויסדויער און אפילו אַטאַקירט די טראַדיציעס פון די נאַציאָנאַלע אויפשטאַנדן פון 19טן יאָרהונדערט. 7)

---

4) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, צווייטער טאָג, ז' 44.

5) פראַנק „טאָגבוך” (אַרכיוו פון דער קראָקאָווער קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכנס אין פּוילן).

6) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, צווייטער טאָג, ז' 27.

7) לויט די מאַטעריאַלן פון דער דעלעגאַטור, אינעם אַרכיוו פון היסטאָרישן אָפּטייל פון צ"ק פון פּזפּ"ר אין וואַרשע.

אָבער דער אָקופּאַנט האָט זיך נישט געקאָנט פאַרלאָזן בלויז אויף דער ווירקונג פון דער „לאָנדאָנער" אונטערערד. ער האָט באַשלאָסן אַלײַן צו דערשטיקן די באַוועגונג, און קודם־כל דעם שוואַכערן, אָבער געפערלעכן, ווײַל מער פאַרביטערטן, רינג — דאָס געטאָ. מיט דעם איז זיך אויך צונויפגעפאַלן די אַלגעמיינע פּאָליטיק לגבי די לעבן־פאַרבליבענע ייִדן אין די רעשט געטאָס. 8) מיט דעם דאָזיקן ענין האָט זיך פאַרנומען הימלער אַליין. דעם 9טן יאַנואַר 1943 קומט ער אומגעריכט אַראָפּ קיין וואַרשע. ער גיט דעם וואַרשעווער עס־עס־ און פּאָליציי־שעף זאַממערן פראַנקענעגג אַן איסטרוקציע צו ליקווידירן דאָס געטאָ און איבערטראָגן די ייִדישע אַרבעטער אין לובלינער געגנט. לאָזן אין וואַרשע אַ קאָנצלאַגער פון ייִדישע פאַרביטערטע אַרבעטער איז, ווײַזט אויס, געווען געפערלעך. דעם 18טן יאַנואַר טרעט צו זאַממערן־פראַנקענעגג צו רעאַליזירן די אינסטרוקציע. אָבער דאָס רעשט געטאָ פון יאַנואַר 1943 איז שוין נישט דאָס זעלביקע, וואָס דאָס געטאָ פון יולי 1942. די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, הגם זי איז נאָך נישט געווען צוגעגרייט, הגם דער קלאַפּ טרעפט זי אין צעשפּרייטונג, טרעט אַרויס אין קאַמף. עס קומען פאָר צוזאַמענשטויסן אויף זאַמענהאָף און מילע, אויף נאָוואָליפּיע און אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. זאַממערן־פראַנקענעגג לײַדט אַ מפּלה. עס געלינגט אים אַרויסצופירן נאָך 6.500 ייִדן, און ער מוז איבעררײַסן די אַקציע.

דער ערשטער באַוואָפנטער אַרויסטריט פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע ווערט אויפגענומען מיט ענטוזיאַזם דורך דער פּוילישער אונטערערד. אין וואַרשע זענען פאַרשפּרייט געוואָרן גוזמאדיקע ידיעות וועגן די צוזאַמענשטויסן; מען האָט געשריבן אין דער אונטערערדישער פּרעסע און מען האָט איבערגעגעבן פון מויל צו מויל וועגן טאַנקען, וועגן טויזנטער אומגעקומענע דײַטשע זעלנער, וועגן גרויסע גאַסנקאַמפן, וועגן פּאַראַשוטיסטן צו הילף די קעמפנדיקע ייִדן. עס איז קלאָר, אַז אָט די איבערגעטריבענע ידיעות זענען געווען אַן אויסדרוק פון דער בענקשאַפט און גאַרונג צו אַקטיוון קאַמף, וועלכע האָבן גענורטעוועט די פּאַטריאָטישע טיילן פון דער פּוילישער געזעלשאַפט; בפרט, אַז עס קומען אָן אַלץ אָפטער ידיעות פון לאַנד וועגן קאַמף־אַרויסטריטן פון דער גוואַרדיאַ לודאָוואַ. אין משך פון ערשטן ביזן 29טן יאַנואַר 1943 האָט די גוואַרדיאַ לודאָוואַ אַראָפּגעלאָזט פון די רעלסן 23 צוגן, וועלכע זענען געגאַנגען צום מיזרח־פראָנט, אויפגעריסן 37 בריקן, צעשטערט 278 אָביעקטן, געפירט 27 שלאַכטן, בתוכם איינע, וועלכע האָט געדויערט דרײַ טעג. 9) די פּפּ"רישע און פּאָלקסגוואַרדייִשע פּרעסע גיט איבער די דאָזיקע ידיעות אין איינעם מיט די באַשרײַבונגען פון די יאַנואַר־קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ. 10) די כוונה פון געבן צוזאַמען די אינפאָרמאַציעס פונעם געטאָ־שלאַכטפעלד און פון פּאַרטיזאַנישן פּלאַצדאַרם איז אַ קלאָרע. עס מערן זיך אויך די אַטענטאַטן און אָנפאַלן אויף היטלעריסטן אין וואַרשע אויף דער „אַרישער" זײַט. די געפאַר פון אַן אַלגעמיינעם פאָלקסאויפרײַס אין וואַרשע איז נאָך אַלץ אַקטועל און ווערט גרעסער. אין זײַן דערמאָנטן ענטפער אויף דער אַנקעטע פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט שרײַבט סטראָאָפּ וועגן דער לאַגע אין וואַרשע, אויף איר „אַרישער" זײַט ערב, בעת און נאָך דעם געטאָ־אויפשטאַנד אָט וואָס: „יעדן שבת האָט אין וואַרשע ערגעץ געברענט, מען האָט אונטערגעצונדן פאַבריק־מאַטעריאַלן, דאָס שעכטהויז, מאַגאַזינען אויף פּעריפעריעס. דאָס פלעגט געשען פאַר, בעת און נאָך דעם אויפשטאַנד. פּוילישע קאַמפּסגרופּעס האָבן זיך איבערגעטאָן אין מונדירן פון עס־עס־לײַט און זיך אַרײַנגעריסן אין אַמטן. איך האָב דערהאַלטן אַ ידיעה, אַז פינף אָפיצירן האָט מען דערשאָסן. די ידיעה האָט זיך באַשטעטיקט". און ווײַטער: „אויף דער טאָג־אָרדענונג זענען געווען כסדרדיקע הריגות פון דײַטשן, וואָס געהערן צו דער ווערמאַכט, פּאָליציי־לײַט... די זשאַנדאַרמעריע איז געווען געצוווּנגען צוליב דעם כסדר צו ענדערן אירע זיצערטער... דער פּאַלאַץ, אין וועלכן עס האָט אַמטירט דער גובערנאַטאָר פישער, איז געווען אַרומגערינגלט מיט שטעכלדראָט".

דער באַוווּסטזײַן אַז דער געטאָ־אויפשטאַנד קאָן זיך אויסשפּרייטן אויף דער „אַרישער" זײַט און צו וועלכע גרויסע רעזולטאַטן דאָס קאָן דערפירן, האָט געשטעקט נישט בלויז אין דעם אַנטיפאַשיסטישן לאַגער פון דער פּוילישער אונטערערד. עס האָבן דאָס געפילט אויך מענטשן פון דעם רעכטן, לאָנדאָן־אָריענטירטן לאַגער. כאַראַקטעריסטיש אין דער הינזיכט איז די שטים פונעם אָרגאַן פון דער קאַטוילישער יוגנט „פּראַוודאַ מלאָדיך". שרײַבנדיק וועגן דעם אויסבראָך פון ווידערשטאַנד אין געטאָ, דערקלערט דער אָרגאַן: „אויב די דײַטשן קאָנען נישט זינט דעם 19טן אַפּריל זיך קיין עצה געבן אין איין טאָג מיט די ייִדן — ב. מ.), טאָ וואָס וואָלט געווען ווען אַן ענלעכע באַוועגונג כאַפּט אַרום גאַנץ וואַרשע? אויף דעם געדאַנק ווערן בלאַס די געזיכטער בײַ איינע, שלאָגן לעבעדיקער די הערצער בײַ צווייטע" 11).

מיר ווייסן נישט צו וועלכער קאַטעגאָריע עס האָט זיך פאַררעכנט די „פּראַוודאַ מלאָדיך". אַז די געזיכטער זענען בלאַס געוואָרן בײַ די אָנפירער פון דער דעלעגאַטור און פון א"ק, דאָס איז זיכער. וואָס שײַך דער „פּראַוודאַ מלאָדיך", האָט זי איר שטעלונג צו די ייִדישע אויפשטענדלער אויסגעדריקט אינעם זעלביקן אַרטיקל אין די ווײַטערדיקע ווערטער: „מיר קאָנען העלפן די קעמפנדיקע ייִדן נאָר מיט תפילה און מיט שמד". נאָר נישט דאָס זענען מיר אויסן אין איצטיקן פאַל. מיר ווילן אונטערשטרײַכן, ווי דער באַוווּסטזײַן פון דער מעגלעכקייט פון אמתן קאַמף האָט אויפגעטויכט אפילו בײַ אַ טייל יוגנט פון די דעלעגאַטור־קרײַזן אין אָנבליק פון ייִדישן אויפשטאַנד.

אָט די סכנה פאַרשטייט אויסגעצייכנט הימלער. דעם 16טן פעברואַר 1943 שיקט ער אַ געהיימען באַפעל צום אונטערשטאַטסעקרעטאַר פאַר זיכערקייט־ענינים און העכערן פּאָליציי־ און עס־עס־פירער אין דער גענעראַל־גובערניע גענעראַל קריגער וועגן צעשטערן דאָס געטאָ און איבערטראָגן דעם קאָנצענטראַציע־לאַגער. הימלער מאָטיווירט זײַן באַפעל מיט דעם, וואָס אין פאַל פון אײַנהאַלטן דאָס געטאָ, וועט די ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין וואַרשע נישט קאָנען ווערן אויסגעראָטן, ווײַל וואַרשע איז — זאָגט הימלער — כסדר אַ געפערלעכער צענטער פון צעליגונג און בונט.

עס איז איצט אַנטשטאַנען די פראַגע: וועמען טרויט מען אַן

---

8) דעם 9טן אָקטאָבער 1942 האָט הימלער פאַראָרדנט אין אַ געהיימען באַפעל, צו פאַרמאַכן אַלע ייִדישע אַרבעטער, וואָס זענען באַשעפטיקט אין פאַרשידענע וואַרשטאַטן און אונטערנעמונגען, וועלכע אַרבעטן פאַר דער אַרמיי, אין אַ קאָנצלאַגער, וואָס וועט לעת עתה זײַן אין וואַרשע. שפּעטער האָט ער געדאַרפט ווערן איבערגעטראָגן אין לובלינער געגנט.

9) „גלאָס וואַרשאַווי" פון 29טן יאַנואַר 1943 (אַרכיוו פון היסטאָרישן אָפּטייל ביים צ"ק פון פּזפּ"ר).

10) דאָרטן.

11) דער אָרגאַן געפינט זיך אינעם אַרכיוו פון היסטאָרישן אָפּטייל פון צ"ק פון פּזפּ"ר.

אַזאַ וויכטיקע אַרבעט? דאָ האָט זיך שוין נישט געהאַנדלט וועגן ליקווידירן דאָס געטאָ און איבערטראָגן בצוואַנג די ייִדישע אַרבעטער, וועלכע ווײַזן אַרויס אונטער דער אָנפירונג פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אַן אַלץ שטײַגנדיקע פאַרביסנקייט, אומגעהאָרכזאַמקייט און ווידערשטאַנד; דאָ איז געגאַנגען אין נישט דערלאָזן צו קיין צונויפקום פון די צוויי ווידערשטאַנד־לעכצונגען פון ביידע זײַטן מויער. הימלער און קריגער האָבן די אויפגאַבע נישט געוואָלט מער איבערגעבן דעם עס־עס־ און פּאָליציי־פירער פון וואַרשעווער דיסטריקט אָבערסט (פּאָלקאָווניק) זאַממערן־פּראַנקענעגג, וועלכער האָט זיך קאָמפּראָמיטירט אין יאַנואַר 1943, און חוץ דעם איז ער געווען אַ קראַנקער מענטש, ער האָט געליטן אויף אַ שטאַרקן רעוומאַטיזם. ווי עס דרינגט אַרויס פון סטראָאָפּס דערקלערונגען אויפן פּראָצעס, איז שוין פון פריִער געווען אין קראָקע אַ באַשלאָסענע זאַך, אַז זאַממערן־פּראַנקענעגג וועט מוזן אַוועקגיין. סטראָאָפּ מאַכט איינצײַטיק אַן אָנשטעל, אַז ער האָט בכלל נישט געוווּסט, צוליב וואָס ער ווערט דורך קריגערן געשיקט קיין וואַרשע. אָבער עס איז קלאָר, אַז די וואַרשעווער אויפגאַבע האָט מען געמוזט אָנפאַרטרויען אַזאַ פּאָליציי־באַאַמטן און עס־עס־מאַן, וואָס איז אויסגעשולט און דערפאַרן אין שנעלע, ספּעציעלע וויכטיקע פון היטלעריסטישן זיכערקייטס־שטאַנדפּונקט אַקציעס, אַ מענטש וואָס ווייסט נישט פון קיין שום ריקזיכט און איז גרייט אויף אַלע מיטלען, אַבי אויסצופירן דעם באַפעל12) אויך קאָנראַד האָט אויפן פּראָצעס דערקלערט, אַז סטראָאָפּ האָט זיך אַליין פאַר אים געריִמט, אַז ער איז געקומען קיין וואַרשע מיטן באַפעל דורכצופירן ענערגיש די ליקווידאַציע פון געטאָ 13).

אַזאַ פּאַרשוין האָט געקאָנט זײַן יורגען סטראָאָפּ. אויף דעם האָט געוויזן זײַן גאַנצער לעבנלויף און זײַנע ביזדעמאָלטיקע פאַרדינסטן פאַר דעם זיכערקייט־וועזן פון „דריטן רײַך”.

יורגען (יאָזעף) סטראָאָפּ פאַראייניקט אין זיך צוויי דורות משרתים פון דײַטשן אימפּעריאַליזם. לויטן עלטער געהערט ער צום עלטערן דור פון די העכערע עס־עס־ און פּאָליציי־אָפיצירן (ער איז געבוירן געוואָרן דעם 26טן סעפּטעמבער 1895). זײַן געבוירן־שטאָט איז דעטמאָלד־ליפּפּע. זײַן טאַטע, קאָנראַד סטראָאָפּ, איז געווען אַ פּאָליציי־באַאַמטער, אַן אָבערוואַכמײַסטער, דער לייטער פון דער קאָמונאַלער פּאָליציי אין דעטמאָלד־ליפּפּע 14). אַזוי אַרום האָט סטראָאָפּ באַקומען אַ דערציִונג אין דער שטרענגער אַטמאָספער פון דער ווילהעלמישער טעמפּער דיסציפּלין און דײַטשן שאָוויניזם. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה טרעט ער אַרײַן פרײַוויליק אין דער אַרמיי און געפינט זיך אויפן פראַנצויזישן און דערנאָך רוסישן פראָנט, צום סוף דינט ער אויף דער סערביש־רומענישער גרענעץ.

אין דעם צײַטאָפּשניט פון 1918 ביז 1932 איז ער באַשעפטיקט ווי אַ באַאַמטער אין טאָפּאָגראַפישן אַמט. אָבער, ווײַזט אויס, אַז אין דער צײַט האָט ער דורכגעלעבט די זעלביקע רעוואַנזש־ און קאַריערע־חלומות, וואָס אַנדערע געוועזענע אָפיצירן, משרתים פון אימפּעריאַליזם, וועלכע האָבן זיך געפילט ווי דעטראָניזירט, און געטרוימט וועגן ווערן צוריק עפּעס אין דײַטשלאַנד. אַזוי אַרום איז געקומען זײַן אַנטוויקלונג צום נאַציזם. סטראָאָפּ דערקלערט אויפן פּראָצעס, אַז זײַנע געוועזענע חברים האָבן אים געעצהט אַרײַנצוטרעטן אין עס־עס. ער טרעט אַרײַן נאָך איידער ער שליסט זיך אָן אין נסדא״פּ. אין עס־עס טרעט ער אַרײַן דעם ערשטן יוני 1932, אין דער היטלעריסטישער פּאַרטיי — דעם ערשטן סעפּטעמבער 1932. דאָ האָט ער אַ פעלד צו פאַראייניקן זײַן קייזעריש־פּאָליצייִשע משפּחה־טראַדיציע מיטן נײַעם „גײַסט” פון דער הימלערישער עס־עס. ער מאַכט אַ בליץ־שנעלע קאַריערע און רוקט זיך געשווינד אויפן לייטער פון דער עס־עסישער היעראַרכיע. קודם־כל ענדערט ער דעם אַלטן נאָמען יאָזעף אויף דעם פּאַגאַניש־היטלעריסטישן נאָמען יורגען (דאָס זעלביקע האָט געטאָן, למשל, אויך גלאָבאָצניק, וועלכער האָט אָנגענומען דעם נאָמען אָדיל). אין דער ביטע צו דער פּערסאָנאַל־אָפּטיילונג פון דער עס־עס־צענטראַלע, וועלכע איז בײַגעלייגט צו די געריכטסאַקטן, דערקלערט עס סטראָאָפּ מיט „אידעאָלאָגישע” טעמים. אויפן פּראָצעס גופא פּרוּווט ער זיך אַרויסדרייען, טענהענדיק, אַז היות עס איז אים געשטאָרבן אַ קינד מיטן נאָמען יורגען, האָט ער איבערגענומען זײַן נאָמען. אויף דער פראַגע פונעם פּראָקוראָר, פאַר וואָס ער האָט אין דער ביטע צו דער פּערסאָנאַל־אָפּטיילונג אָנגעגעבן אַנדערע מאָטיוון, גיט דער באַשולדיקטער אַן אָפּן ציניש ענטפער: „ווײַל אַזוי איז געווען באַקוועמער”. 15)

לכתחילה ווערט סטראָאָפּן אָנפאַרטרויט די אָנפירונג מיט אַ שטורעם־באַטאַליאָן, אָבער שוין אין יאָר 1934 טרעפט מען אים אין וועסטפאַליע ווי אַ שעף פון דעם עס־עסישן אָפּשניט. איז גיכן שיקט מען אים אין דער פּראָלעטאַרישער שטאָט האַמבורג, אין דער שטאָט פון ערנסט טעלמאַן, ווו ער האָט, אַפּנים, די אויפגאַבע צו מאָרדן דײַטשע קאָמוניסטן. אין יאָר 1932 איז ער אין עס־עס אַן אונטערשאַרפירער, וואָס אַנטשפּרעכט דער מיליטערישער ראַנג פון אַן אונטעראָפיציר. אין יאָר 1939 איז ער שוין אין עס־עס אַן אָבערפירער, וואָס אַנטשפּרעכט דעם ראַנג פון אַ פּאָלקאָווניק. אויף דער פראַגע פונעם פּראָקוראָר, ווי אַזוי קאָן מען אויסטײַטשן אַזאַ שנעלן רוקן זיך פאָרויס אויפן היעראַרכיע־לייטער, ענטפערט סטראָאָפּ מיט זײַן געמאַכטן אָנשטעל פון אַ שאינו יודע לשאול: „איך ווייס נישט. אַזוי האָבן אָבגעשאַצט מײַנע שעפן”.

נאָכן פאַרנעמען די סודעטן ווערט ער געשיקט קיין קאַרלסבאַד (קאַרלאָסע וואַרי) מיט דער מיסיע צו אָרגאַניזירן די עס־עס אין באַזעצטן סודעטן־געביט. אין אָקטאָבער 1939 ווערט ער איבערגעשיקט אויפן סמך פון הימלערס אַ באַפעל פון 9טן אָקטאָבער 1939 — קיין פּויזן ווי דער אָנפירער פון א״ג „זעלבשוץ”. דאָס

---

12) אינטערעסאַנט, ווי ענלעך עס איז געווען די סיטואַציע אין ביאַליסטאָק. ערב דער צווייטער ליקווידאַציע איז באַזײַטיקט געוואָרן דער אָרטיקער קאָמאַנדיר פון דער זיכערקייט־פּאָליציי ד״ר ווילהעלם אַלטענלאָה, וועלכן מען האָט פאָרגעוואָרפן שוואַכקייט אין קאַמף מיט דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, און אויף זײַן אָרט איז געקומען אַ צווייטער — ד״ר צימערמאַן. אין ביאַליסטאָק איז די פּאָליטישע לאַגע זומער־צײַט 1943 געווען ענלעך צו דעם מצב אין וואַרשע אין פרילינג פון זעלביקן יאָר: דאָס אָרט פון דער אָנוואַקסנדיקער ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון דער „אַרישער” זײַט אין וואַרשע האָט דאָ פאַרנומען די ברייטע פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג אין ביאַליסטאָקער וועלדער.

13) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, ערשטער טאָג, ז׳ 47.

14) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, ערשטער טאָג, זײַטן 4—5.

15) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, ערשטער טאָג, ז׳ 6.

איז געווען אַ פאַרמאַציע פון אָרטיקע דייַטשן, וואָס זענען פאַר דער מלחמה געווען פאַרבונדן מיטן אויסלענדישן אָפּטייל פון נסדא״פּ. אָט די „פינפטע קאָלאָנע” איז איצט אָרגאַניזירט געוואָרן אין אַ „זעלבשוץ”, וואָס איר אויפגאַבע איז געווען אויסצומאָרדן די פּוילישע פּאַטריאָטן, בעיקר די אינטעליגענץ. פון אָט דער „זעלבשוץ” איז אַרויסגעקומען די עס־עס און די ס״א אויף די אָקופּירטע פּוילישע מערב־געביטן. ווי עס האָט איבערגעגעבן אויפן געריכט דער עקספּערט סט. קוביאַק פון פּויזנער „מערבדיקן אינסטיטוט”, זענען אונטער סטראָאָפּס אָנפירונג פאָרגעקומען מאַסנמאָרדן איבער פּוילישע פּאַטריאָטן אין די ווייטערדיקע שטעט און שטעטלעך: קאָפּצע, שאַמאָטולי, ווזשעשניאַ, שראָדאַ, סאַמאָקלענסקי, סרעמאַ, קאָשטשאַנאַ, לעשנאָ, גניעזנאָ. צוזאַמען זענען דערמאָרדעט געוואָרן איבער 2.000 מענטשן. די דעציזיע, ווער עס דאַרף אומגעבראַכט ווערן, האָט געגעבן דער אָנפירער פון „זעלבשוץ” אַליין. די מאָרדן זענען פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן, אַז די קרבנות האָבן געמוזט אַלייַן פאַר זיך אויסגראָבן פאַר דער עקזעקוציע קברים.

ווען עס קומט דער אָנפאַל פון די היטלעריסטישע חיילות אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, ווערט סטראָאָפּ געשיקט אויפן פראָנט, ווו ער געפינט זיך פון יולי ביז אָקטאָבער 1941. ווי באַקאַנט, זענען אין די פוסטריט פון דער ווערמאַכט געגאַנגען די ספּעציעלע פאַרניכטונגס־קאָמאַנדאָס, וועלכע האָבן געדאַרפט ליקווידירן יידן, קאָמוניסטן, סאָוועטישע פּאַטריאָטן. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דאָס איז אויך געווען די אויפגאַבע פון יורגען סטראָאָפּ. אין נאָוועמבער 1941 ווערט ער צוריקגערופן קיין בערלין, ווו ער מאַכט אַדורך אַ פּראַקטיק אינעם אינפאָרמאַציע־אָפּטייל (שפּיאָנאַזש) פונעם רייַכסזיכערהייטס־הויפּטאַמט. אין דעצעמבער 1941 ווערט ער געשיקט קיין טראַנסניסטריע מיט דער אויפגאַבע פון שאַפן פון צווישן די אָרטיקע פאָלקסדייַטשן עס־עסישע אָפּטיילונגען. פון דעם וויל סטראָאָפּ אויף די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען אַרויסציִען די מסקנה, אַז ער איז נאָר געווען אַ ספּעציאַליסט אין אָרגאַניזירן עס־עס, נישט מער. שטעלט זיך אָבער די פראַגע: וואָס זענען געווען זייַנע אויפגאַבעס תיכף אין אַ חודש שפּעטער, אין יאַנואַר 1942, ווען ער איז באַשטימט געוואָרן ווי דער זיכערקייטס־אינספּעקטאָר אויף דעם קאָמוניקאַציע־שליאַך דרום־מזרח פון סאָוועטישן פראָנט? סטראָאָפּ איז געשטעלט געוואָרן אויף דעם פּאָסטן, כדי אָנצופירן מיטן אויסראָטקאַמף קעגן די פּאַרטיזאַנער, וועלכע האָבן אַלץ העפטיקער באַדראָט די דייַטשע קאָמוניקאַציע־ליניעס. אויף אָט דעם פּאָסטן געפינט ער זיך ביזן דריטן סעפּטעמבער 1942. ער האָט זיך דאָ, ווייזט אויס, גוט צוגעדינט זייַנע באַפעל־געבער, ווייַל אין סעפּטעמבער 1942 באַקומט ער — ווי ער דערקלערט אויפן פּראָצעס, — פון היטלערן די נאָמינאַציע אויף אַ גענעראַל־מאַיאָר; ער באַקומט דעמאָלט אַ ווייַטערדיקן אַוואַנס אויפן עס־עסישן היעראַרכיע־לייטער, ער ווערט בריגאַדענפירער פון עס־עס. איינצייַטיק ווערט ער איבערגעטראָגן ווי עס־עס־ און פּאָליציי־פירער קיין ניקאָלאַיעוו. סוף 1942 ווערט ער ווידער אַרויסגערופן קיין בערלין, ווו ער מאַכט אַדורך אַ ווייַטערדיקע אויסשולונג אינעם רייכסזיכערהייטס־הויפּטאַמט און געפינט זיך אַ צייַט אין הימלערס דירעקטער סביבה. די אויסשולונג דויערט ביז פעברואַר 1943. ער ווערט דעמאָלט געשיקט קיין ווין, ווו ער דאַרף אָרגאַניזירן די עס־עס־ און פּאָליציי־אָרגאַנען פאַר קאַווקאַז. אין מאַרץ 1943 טרעפט מען שוין סטראָאָפּן אין לוואָוו. ווי סטראָאָפּ זאָגט, איז ער אַהער געשיקט געוואָרן צוליב אַן אינערלעכן קאָנפליקט, וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן דעם עס־עס־ און פּאָליציי־פירער פון לוואָווער דיסטריקט גענעראַל קאַצמאַן און דעם אָרטיקן גובערנאַטאָר. עס איז אָבער מערקווירדיק, אַז דווקא אין דער צייַט ווען סטראָאָפּ געפינט זיך אין לוואָוו, פאַרשטאַרקן זיך די גירושים און די מאָרדן איבער די אָרטיקע יידן. 16) עס לאָזט זיך דעריבער משער זייַן, אַז סטראָאָפּס מיסיע אין לוואָוו האָט אויך געהאַט אַ שייַכות מיט דער שנעלערער יידן־ליקווידאַציע. דאָס איז גענוג אויסדרוקפול, ווייַל קאַצמאַן האָט געהאַט אַ שם פאַר איינעם פון די אכזריותדיקסטע יידן־פאַרטיליקער. סטראָאָפּ האָט, הייסט עס, לויטן אייַנזען פון זייַנע שעפן, איבערגעשטיגן אין ריקזיכטלאָזיקייט און ענערגיע אַפילו דעם בלוטיקן קאַצמאַן. אגב האָט קאָנראַד דערקלערט אויפן פּראָצעס, אַז סטראָאָפּ האָט איבערגעשטיגן אויך דעם בלוטיקן גלאָבאָצניק און דעם תלין פון וואַרשעווער געטאָ בראַנדטן.

דעם 17טן אַפּריל 1943 ווערט סטראָאָפּ דרינגענדיק אַרויסגערופן דורך קריגערן פון לוואָוו און שנעל אַרויסגעשיקט קיין וואַרשע. דעם 17טן איז שוין סטראָאָפּ געווען אין וואַרשע.

נאָכן דערשטיקן דעם געטאָ־אויפשטאַנד און נאָכן ליקווידירן דאָס געטאָ פאַרבלייַבט סטראָאָפּ אין וואַרשע ביז אויגוסט 1943 — דעמאָלט ווערט ער אַרויסגעשיקט קיין אַטען. אין צווישן איז ער אין יוני 1943 באַשטימט געוואָרן אָפיציעל אויף זאַממערן־פראַנקענעגגס אָרט ווי דער עס־עס־ און פּאָליציי־פירער פון וואַרשעווער דיסטריקט. ער באַווייַזט נאָך דורכצופירן די עקזעקוציע איבער 100 אומשולדיקע פּוילישע ערבות־לייַט (זע אויבן). קיין אַטען ווערט ער געשיקט ווי דער העכערער עס־עס־ און פּאָליציי־פירער פון גריכנלאַנד. ווי סטראָאָפּ האָט עס אַליין מודה געווען אויפן געריכט־פאַרהער, איז ער געשיקט געוואָרן אַהין אין אַ באַזונדער שווערער צייַט פאַר די היטלעריסטן. דעם 9טן סעפּטעמבער 1943 האָט איטאַליע קאַפּיטולירט, די איטאַליענישע פּאָליציי פון גריכנלאַנד האָט זיך אַנטוואָפנט און איז צוריקגעלאָפן אַהיים. די פּאַרטיזאַנישע באַוועגונג אין גריכנלאַנד איז געוואַקסן. האָט סטראָאָפּ געהאַט אַ ספּעציעלע מיסיע דורכצופירן דאָ אַ ברייטע „פּאַציפיקאַציע”. אין גריכנלאַנד „פאַרברענגט” סטראָאָפּ ביז נאָוועמבער 1943. און מערקווערדיק: לויט עס ווייַזן אויף די קאַרטאָטעקעס פון אָשוויענטשים, זענען טאַקע אין דעם צייַטאָפּשניט סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1943 געגאַנגען די גרעסטע טראַנספּאָרטן מיט גריכישע יידן אין דעם אָשוויענטשימער לאַגער אַרייַן. דאָס איז געווען די צייַט, ווען אין דעם בנין פון דער געוועזענער איטאַ״ליענישער געזעלשאַפט אין אַטען איז געזעסן און האָט בעל־הביתעוועט דער עס־עס־גענעראַל סטראָאָפּ, אין ענגער צוזאַמענאַרבעט מיטן ווערמאַכט־גענעראַל שפּיידעל. 17)

סטראָאָפּ האָט, ווייַזט אויס, אויפן פּאָסטן אין גריכנלאַנד גוט אויסגעפירט זייַנע תלינישע פונקציעס, וואָרעם בערלין גיט אים אַ ווייַטערדיקן אַוואַנס. דעם 9טן נאָוועמבער 1943 נאָמינירט אים היטלער פאַר אַ גענעראַל־לייטענאַנט. דעם זעלביקן טאָג ווערט סטראָאָפּ צוריקגערופן פון אַטען קיין דייַטשלאַנד, ווו עס ווערט אים איבערגעגעבן די אָנפירונג מיט דער עס־עס־ און פּאָליציי אין וועסטמאַרק אינעם ריין־געביט. אינעם לעצטן פּעריאָד פון דער עקסיסטענץ פון „דריטן רייך” שרייַבט צו אים ידידי־בריוועלעך הימ־

---

16) ג״ע פון אורי ליכטער (אַרבי׳ יידי׳ היסטי׳ אינסטי׳, פּראָטי׳ נומי׳ 61—7) און פון רישאַרד רינדנער (אַרבי׳ יידי׳ היסטי׳ אינסטי׳, פּראָטי׳ נומי׳ 18).

17) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, ערשטער טאָג, זייַט 7, און צווייטער טאָג, ז׳ 13. פאַרגלייַך אויך אין די אַקטן פונעם פּראָצעס באַנד 5, זייַטן 959—961.

לער, וועלכער טרויט אים אָן, ווי איינעם פון די טרײַסטע דינער פון דער קראַכנדיקער עס־עסישער מלוכה, די מיסיע אָנצופירן מיט דער אונטערערדישער טעטיקייט קעגן די אַרײַנדרינגנדיקע אַליאַנטישע אַרמייען. סטראָאָפ באַווײַזט נאָך צו הרגענען אַמעריקאַנישע קריגס־געפאַנגענע, פאַראַשוטיסטן. נאָכן פאַרענדיקן די קריגס־אָפעראַציעס פאַלט ער אַרײַן אין די הענט פון די אַמעריקאַנער. ער גיט זיך אָן לכתחילה אַלס סטראָופ, אָבער אַ גענויע רעוויזיע אין זײַן וויליע אַנטפלעקט ווער ער איז. בפרט האָט זיך אים צוגעדינט דער באַנד פון זײַנע ראַפאָרטן צו קריגערן וועגן דעם לויף פון דער דערשטיק־אַקציע פונעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. די דאָזיקע ראַפאָרטן, אין אַ לעדערנעם פראַכטאײַנבונד זענען געפונען געוואָרן אין זײַן ביבליאָטעק. איצט איז עס געלעגן אויפן ריכטערטיש אינעם געריכטזאַל אויף לעשנאָ, ווי דער וויכטיקסטער דאָקומענט פון דער באַשולדיקונג.

ווי עס איז צו זען פון דעם געבראַכטן קורצן איבערבליק פון סטראָאָפס קאַריערע, האָט ער קיין מאָל נישט געשפילט אין עס־עס און פאָליציי קיין ראָלע פון אַ באַאַמטן וואָס האָט געהאַט אָנפאַרטרויט געוויסע פאָליטישע ענינים. סטראָאָפ איז אויף קיין אײנעם פון זײַנע פילצאָליקע פאָסטנס לאַנג נישט געזעסן. עטלעכע חדשים, צי אַפילו עטלעכע וואָכן — און ער ווערט געשיקט ווײַטער. זײַן אויפגאַבע איז תמיד אַ ספעציעלע אַקציע, אַ באַשטימטער טעראָראַקט, אַ דרינגענדיקע „פאַציפיקאַציע", סטראָאָפ איז אַ מין „הימלערישע בײַטש", וועלכע ווערט איבערגעוואָרפן פון אָרט צו אָרט, אומעטום, ווו עס דראָט אַ ספעציעלע געפאַר דער אָקופאַנטישער מאַכט און מען דאַרף דורכפירן אַ שנעלע בלוטיקע „פאַציפיקאַציע". ער איז אַן עקזעקוטאָר, אַ תלין; אַפילו ווי אַן עס־עס־ און פאָליציי־פירער און ווי אַ העכערער עס־עס־ און פאָליציי־פירער פאַרבלײַבט ער נישט לאַנג אויפן פלאַץ. עס איז גענוג, ער זאָל זײַן אַ חודש אין ניקאָלאַיעוו, קנאַפע צוויי חדשים אין לוואָוו, עפעס מער ווי דרײַ חדשים אין וואַרשע, קנאַפע דריטהאַלבן מאָנאַטן אין גריכנלאַנד. ער ווערט תמיד געשיקט אומעטום אַרויסצוהעלפן עמעצן, וואָס גיט זיך אַלײַן נישט קיין עצה. אין קאַמף קעגן די סאָוועטישע פאַרטיזאַנער ווערט ער צוגעטיילט אַרויסצוהעלפן דעם אָבערפירער פון עס־עס האָפמאַנען, אין לוואָוו דאַרף ער העלפן קאַצמאַנען, אין וואַרשע דאַרף ער פאַרבײַטן זאַממערן־פראַנקענעגגן, אין גריכנלאַנד דאַרף ער העלפן שפיידעלן. ער האָט ס'רוב ספעציעלע פולמאַכטן, וועלכע דערלויבן אים צו פאַררײַסן און משלח זײַן אַזאַ היטלעריסטישע פיגור ווי אָדיל גלאָבאָצניקן (בעת דער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ). זײַן וועג פירט פון מאָרדן דײַטשע קאָמוניסטן, דורך טעראָריזירן די טשעכן אין סודעטן־לאַנד, דורך אויסהרגענען פוילישע פאַטריאָטן, דורך באַקעמפן סאָוועטישע פאַרטיזאַנער צום שווידערלעכסטן פאַרברעכן פונעם פעלקערמאָרד איבער די לעצטע וואַרשעווער ייִדן, און פון דאַנען צו „פאַציפיצירן" גריכנלאַנד און צו מאָרדן אַמעריקאַנער קריגס־געפאַנגענע.

פאַר זײַנע פאַרדינסטן לטובת דעם „דריטן רײַך" און בפרט אינעם פעלקערמאָרד איז ער באַשאָנקען געוואָרן דורך הימלערן מיט אַן אײַזערנעם קרייץ פון ערשטן קלאַס. דער קרייץ איז אים איבערגעגעבן געוואָרן דורך קריגערן. דער באַלוינטער פעלקערמערדער האָט באַקומען — ווי ער רימט זיך אַליין אויפן פראָצעס, — ווינטשעוואַניעס פון אַ סך פערזאָנען בתוכם פון דעם שעף פון פערסאָנאַל־אַמט, פון עס־עס־גענעראַל הערץ. סטראָאָפ האָט אויך דאָ געפרווט אויפן פראָצעס זאָגן ליגן, בכן דעם קרייץ האָט ער באַקומען פאַר זײַנע פאַרדינסטן אויפן מיזרח־פראָנט. ער איז אָבער תיכף דעמאַסקירט געוואָרן דורכן פראָקוראָר, וועלכער האָט געשטעלט אַ פראַגע: ווי אַזוי האָט ער געקאָנט באַקומען אַן אויסצייכענונג אין יולי 1943 פאַר אויפטוען, וואָס האָבן געהאַט אַן אָרט אין יולי־אָקטאָבער 1941? — אויף דעם האָט דער באַשולדיקטער געענטפערט מיט — שטילשווײַגן. ווי באַקאַנט, איז דער אײַזערנער קרייץ פון ערשטן קלאַס געגעבן געוואָרן אין יולי 1943 סטראָאָפן ווי אַן אויסצייכענונג פאַר זײַנע פאַרדינסטן בײַם ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ.

אין ליכט פון דעם כאַראַקטער פון סטראָאָפס גאַנצער טעטיקייט אין עס־עס און פאָליציי ווערט קלאָר, פאַר וואָס איז דווקא אים אָנפאַרטרויט געוואָרן די מיסיע צו ליקווידירן דאָס וואַרשעווער געטאָ, אויסצופירן הימלערס באַפעל פון 16טן פעברואַר 1943. עס ווערט אויך קלאָר, וואָס פאַר אַ געפאַר און וואָס פאַר אַ כוח עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די ווידערשטאַנד־באַוועגונג פון וואַרשעווער געטאָ, אויב עס איז געשיקט געוואָרן אַהער אַזאַ פאַרדינסטפולער ענערגישער און דערפאַרענער עס־עס־גענעראַל ווי יורגען סטראָאָפ. און לאָמיר נאָך צוגעבן: אַזאַ אַכזריותדיקער. „דאָס דערשיסן — האָט דערקלערט קאָנראַד פאַרן געריכט, — צוויי טויזנט מענטשן (אויפן הויף פונעם יודענראַט אויף זאַמענהאָף־גאַס — ב. מ.) האָט פאַרשאַפט סטראָאָפן אַזוי פיל פאַרווײַלונג, אַז ער האָט אויסגעברייטערט זײַן פאַראָרדענונג (צו דערשיסן אויפן אָרט — ב. מ.) אויף אַנדערע סעקטאָרן". 18)

3.

וואָס פאַר אַ נײַס האָט אַרײַנגעבראַכט דער געריכט־פאַרהער פון די באַשולדיקטע

אין אַלגעמיין, אויב עס גייט אין די אַלגעמיינע ידיעות וועגן געטאָ־אויפשטאַנד און וועגן דעם אופן פון דורכפירן דעם גירוש צום טויט און די ליקווידאַציע פון די לעצטע ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ, האָט דער פראָצעס קיין גרויסע נײַס נישט געקאָנט אַרײַנברענגען. אויב עס גייט אין די קוליסן פון דער לעצטער ליקווידאַציע און בכלל אין דער היטלעריסטישער אויסראָט־פאָליטיק לגבי די וואַרשעווער ייִדן די גאַנצע צײַט, האָבן אַ ריי זאַכן אויפגעדעקט די דײַטשע דאָקומענטן, וועלכע זענען דורך די פוילישע אויספאָרשריכטער און דורך די פראָקוראָרן פון העכסטן נאַציאָנאַלן טריבונאַל, בפרט פראָפ' סאַוויצקי און פראָפ' ציפריאַן, געזאַמלט און געגרייט געוואָרן אין משך פון אַ לאַנגער צײַט, טיילווײַז אויך בײַ דער מיטהילף פון פאָרשטייער פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט און פון דער הויפט־קאָמיסיע צו פאָרשן די היטלעריסטישע פאַרברעכער; די דאָקומענטן געפינען זיך אין די געריכטאַקטן, דאָס זענען: פישערס באַפעל פון 17טן יוני 1941 וועגן דעם פאַרבאָט צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ, פישערס באַקאַנטמאַכונג פון 10טן נאָוועמבער 1941 וועגן טויטשטראָף פאַר פאַרלאָזן דאָס געטאָ און פאַר באַהאַלטן בײַ זיך ייִדן, דער רעפעראַט פונעם לייטער פון איבערזידלונגס־אָפטייל פון וואַרשעווער דיסטריקט שען, הימלערס שנעלבריוו צו פאָהלן פון 1טן דעצעמבער 1942, זײַן פאַראָרדענונג

---

18) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פראָצעס, ערשטער טאָג, ז' 28.

עס איז כדאי צו באַטאָנען, אַז דעם 21טן מאַרץ 1947 איז סטראָאָפ פאַרמשפט געוואָרן צום טויט דורך אַן אַמעריקאַנישן מיליטערישן טריבונאַל אין דאַכאַו פאַר דערהרגענען די אַמעריקאַנישע קריגס־געפאַנגענע.

וועגן דער ייִדישער אַרבעטסקראַפט פון 18טן סעפטעמבער 1942 און אַנדערע, הימלערס ציטירטע דורך אונדז פאַראָרדענונגען פון 16טן פעברואַר 1943, דער בריוו פון קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום פון רײַך פון יולי 1942 וועגן אַרויספירן די ייִדן פון געטאָ קיין טרעבלינקע און בעלזשעץ, די קאָרעספּאָנדענץ פון „אָסטי", אַרטיקלען וועגן וואַרשעווער געטאָ אין „קראַקאָוער צײַטונג" און אין „פעלקישן בעאָבאַכטער" (פון 13טן יאַנואַר 1944) א"א און אויך אַ ריי באַקאַנטע ייִדישע דאָקומענטן. צוזאַמען מיט די אויספאָרש־מאַטעריאַלן פאַרנעמען די געריכטסאַקטן אינעם סטראָאָפ־קאָנראַד־פראָצעס זעקס דיקע גרויסע בענדער. דער וויכטיקסטער דאָקומענט איז, נאַטירלעך, דער אָריגינאַל פון סטראָאָפס ראַפאָרט.

אָבער אויב עס גייט אין די געשעענישן וואָס האָבן זיך אָפגעשפילט אין געטאָ גופא, האָט, ווי געזאָגט, דער פראָצעס קיין גרויסע נײַס נישט געקאָנט אַרײַנברענגען. פון דעסט וועגן זענען אויפגעדעקט געוואָרן אַ גאַנצע ריי נײַע פרטים, וועלכע שאַפן אַן אינטערעסאַנטן און צײַטנווײַז אויך וויכטיקן צושטײַער צו אונדזערע ביזאַיצטיקע ידיעות. דאָס וואָס אינטערעסירט אונדז אין געגעבענעם פאַל צו מײַנסטן, איז נוגע דעם סאַמע אויפשטאַנד. מען דאַרף שוין בײַם אָנהייב פעסטשטעלן, אַז די דערקלערונגען פון די באַשולדיקטע האָבן נאָך אַ מאָל באַשטעטיקט די גרויסקייט און אומגעוויינלעכע העלדישקייט פון די געטאָ־אויפשטענדלער. אַ געפיל פון שטאָלץ האָט אַרומגעכאַפט דאָס פובליקום אויפן געריכטזאַל, ווען קאָנראַד און סטראָאָפ האָבן געשילדערט די געשעענישן. ווען מען פאַרגלײַכט זייערע מונדלעכע דערקלערונגען מיט די ראַפאָרטן און גביות־עדות, זעט מען, אַז אין זייערע געריכט־אַרויסטריטן איז אין דער הינזיכט נישט געווען קיין איין וואָרט פון גוזמא, און מען קאָן עס אַרײַננעמען ווי אַ פרישן צושטײַער צו דער געטאָ־אויפשטאַנד־דאָקומענטאַציע. און הגם אַ סך פרטים זענען שוין באַקאַנט פון פריִער, פון זייערע אייגענע געשריבענע מאַטעריאַלן און אויך פון אַנדערע קוועלן, איז דאָך כדאי איבערצוגעבן עטלעכע פראַגמענטן פון קאָנראַדס און סטראָאָפס דערקלערונגען אויפן פראָצעס.

פראַנץ קאָנראַד האָט אָנגעהויבן זײַן דערקלערונג בנוגע דעם אויפשטאַנד און דער ליקווידאַציע מיט די ווײַטערדיקע ווערטער: 19)

„אויף דזשיקע־גאַס איז געווען אַ שיסערײַ. אַ טייל פון דער עס־עס־אָפטיילונג איז געוואָרן אַרומגערינגלט דורך די אויפשטענדלער. די דײַטשן זענען געוואָרן אַרומגענומען דורך דעם פײַער. איך האָב געהערט, אַז עס איז אָנגעקומען עפעס אַן אָפטיילונג, וואָס האָט זיי אַרויסגעפירט. אויף גענשע־גאַס האָט גענומען ברענען אַ הויז. אין שכנות האָט זיך געפונען אַ ייִדישער שפיטאָל — און אַנטקעגן איז געווען די פירמע ברויער, וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיט פאַרריכטן זאַכן פאַר מיליטער. אינעם הויז, וואָס האָט גענומען ברענען, האָט זיך געפונען אַ מאַגאַזין פון מאַטראַצן. דאָרט פלעגט מען זיי פאַרריכטן. עס זענען דאָרטן געווען ריזיקע סקלאַדן פון ים־גראָז און פון האָר. דאָס אַלץ האָט גענומען ברענען".

ווײַטער שילדערט קאָנראַד דאָס, וואָס ער האָט שוין איבערגעגעבן אין זײַן געשריבענער לאַנגער גבית־עדות פון אויגוסט 1945. דאָס וויכטיקסטע אין דער אויבן־געבראַכטער דערקלערונג אויפן געריכט (וועלכע איז באַקאַנט אין אַ ביסל אין אַן אַנדער וואַריאַנט פון קאָנראַדס שריפטלעכער גבית־עדות פון אויגוסט 1945) איז דער פאַקט, אַז אַ טייל פון דער עס־עס־אָפטיילונג איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די ייִדישע קעמפער און אַז עס האָט געמוזט געשיקט ווערן אַ ספעציעלע אָפטיילונג אַרויסצוראַטעווען די עס־עס־לײַט פון ייִדישן קלעם. אין זײַן געריכט־דערקלערונג דערמאָנט קאָנראַד וועגן קאַמף־געשעענישן אויף שטשענשליווע (שיסערײַ אויף די דעכער), נאַלעווקעס, שווענטאָיערסקע און ניזקע. 20) ער חזרט אויך איבער דעם פאַל מיט קריגערס אינספעקציע, און די געשעענישן, וואָס האָבן זיך דעמאָלט, אין קריגערס אָנוועזנקייט אָפגעשפילט אויף שטשענשליווע אויף די דעכער. אַ וויכטיקע נײַס איז דאָס, וואָס קאָנראַד גיט איבער אין געריכט וועגן דעם, אַז סטראָאָפ האָט געהייסן דערשיסן 500 פוילישע אַרעסטירטע פון דער פאַוויאַק־תפיסה; זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן יודענראַט־הויף. סטראָאָפ האָט אין זײַנע שפעטערדיקע דערקלערונגען זיך באַמיט צו דערווײַזן, אַז דעם באַפעל צו דערשיסן די 500 האָט אַרויסגעגעבן דער שעף פון דער זיכערקייטס־פאָליציי ד"ר האַהן. אָבער מיר האַלטן, אַז די 500 פוילישע אַרעסטירטע זענען דערשאָסן געוואָרן אין די ראַמען פון דער אויפשטאַנד־ליקווידיר־אַקציע, ווײַל ווי עס דרינגט אַרויס פון געוויסע גביות־עדות, וועלכע געפינען זיך אינעם אַרכיוו פון היסטאָרישן אָפטייל פון צ"ק פון פזפ"ר, 21) האָבן די פוילישע אַרעסטירטע אין פאַוויאַק געפלאַנט אויסצונוצן די געשעענישן אין געטאָ פאַר אויסגראָבן אַן אונטערערדישן דורכגאַנג און זיך אַרויסבאַקומען פון תפיסה. עס איז אפשר געווען אַ קאָנטאַקט מיט אַ קאַמפסגרופע פון געטאָ. צוליב אַ מסירה פון אַ געסטאַפאָ־אַגענט, וועלכער האָט געהערט צו א"ק, איז די זאַך אויסגעגעבן געוואָרן, און 500 פאָליטישע אַרעסטירטע זענען דערשאָסן געוואָרן אויפן יודענראַט־הויף. אַגב, איז סטראָאָפ בעת דער עקזעקוציע געווען אָנוועזנדיק.

אינטערעסאַנטע נײַע פרטים האָט געבראַכט אין זײַן דערקלערונג יורגען סטראָאָפ: 22)

„שבת בײַ נאַכט (דעם 17טן אַפריל — ב. מ.) האָט זאַממערן באַקומען אַ ידיעה פון געטאָ, אַז דאָס אויסליידיקן וועט נישט גיין אַזוי גלאַטיק, אַז וואַרשײַנלעך וועלן די ייִדן אַקעגנשטעלן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד.

„איך בין זיך משער, אַז אויפן סמך פון אָט דער מעלדונג איז זאַממערן געפאָרן קיין קראָקע צו גענעראַל קריגער.

„איך בין זיך משער, אַז אויפן סמך פון דער דאָזיקער מעלדונג האָט גענעראַל קריגער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, איך זאָל אויף זאַממערנס אָרט דורכפירן די אויסליידיקונג פונעם געטאָ.

„אָבער צוליב דעם, וואָס ער האָט געקענט דעם פלאַן און אויך פון פרײַנטשאַפטס וועגן האָב איך געלאָזט זאַממערן אָנהייבן.

„עס איז געווען 7,30 אין דער פרי ווען ער האָט זיך געיאָוועט צו מיר אין איינעם מיטן אַדיוטאַנט אין מײַן קוואַרטיר. ער איז געווען זייער דענערווירט און האָט געזאָגט — מיר דאַכט זיך, אַז אַזעלכע זענען געווען זײַנע ווערטער: „אַלץ

---

19) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פראָצעס, ערשטער טאָג, זײַט 20.

20) דאָרטן, זײַטן 22 און 23.

21) ג"ע פון שפילסקי.

22) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פראָצעס, צווייטער טאָג, זײַטן 23—26.

איז פאַרלאָרן, מיר זענען נישטאָ אין געטאָ, מיר קאָנען זיך נישט אַריַינבאַקומען אין געטאָ, עס זענען פאַראַן פאַרוווּנדעטע". זאַממערן האָט געוואָלט שיקן אַ טעלעגראַמע קיין קראָקע, מען זאָל אַרויסשיקן אַעראָפּלאַנען סטוקאַסן און מען זאָל מיט דער הילף פון באָמבעס און אַעראָפּלאַנען צעשטערן דאָס געטאָ.

„אָבער קריגערס באַפעל (צו ליקווידירן דאָס געטאָ — ב. מ.) איז נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין טערמין. אויפן סמך פון דעם באַפעל האָב איך זיך געמוזט אַריַינמישן.

„ווען איך בין צווישן 8 און ניַין אין דער פרי אַריַין אין געטאָ, האָב איך אָנגעהויבן די אַקציע פון אויספילן דעם מיליטערישן באַפעל.

„עס זענען געווען פאַרוווּנדעטע און דערהרגעטע ביַי ביידע צדדים. איך האָב צום ערשטן מאָל געזען די (היטלעריסטישע — ב. מ.) קאָמאַנדירן, וואָס זענען דאָרטן געווען, און מיר זענען אַריַין דורכן גרויסן טויער אין געטאָ. זיצנדיק אונטער אַ בוים, האָב איך געהייסן זיך דערלאַנגען דעם פּלאַן פון געטאָ און דאָרטן האָב איך פעסטגעשטעלט — אין הסכם מיטן פּלאַן — ווי עס זעט אויס דאָס געביט. איך האָב געגעבן די קאָמאַנדירן אַנטשפּרעכנדיקע באַפעלן, לויט מיליטערישע כללים, זיי זאָלן מיט דער הילף פון אָנגרייפנדיקע אָפּטיילונגען ווידער באַהערשן כאָטש די הויפּטגאַס. און אַזוי איז געשען. צי מען האָט די הויפּטגאַס דעראָבערט דעם ערשטן טאָג, אָדער דעם צווייטן, דאָס געדענק איך נישט.

„אין איין הויז, וווּ עס האָט זיך געפונען אַן אַנשטאַלט ביי דער א"ג מיליטערישער פאַרוואַלטונג, איז אויסגעבראָכן אַ שרפה. די שרפה איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך די אויפשטענדלער.

„וואָס שייַך די זאַכן, וועלכע זענען געווען באַשטימט פאַר דער ווערמאַכט, בין איך אין דעם פאַל געווען אין פולשטענדיקער פאַרשטענדיקונג מיטן קאָמאַנדיר פון דער ווערמאַכט, אַ גענעראַל־לייטענאַנט (ראָססום — ב. מ.). די קאָמענדאַנטור פון דער ווערמאַכט און דער גובערנאַטאָר פישער און אַנדערע פאָרשטייער האָבן מיר אויפמערקזאַם געמאַכט אין אַ דרינגענדיקן אופן, אַז דער געטאָ־אויפשטאַנד טאָר זיך אין קיין שום פאַל נישט אויסברייטערן אויף וואַרשע. בפרט האָט מיר אויף דעם געמאַכט אויפמערקזאַם די קאָמענדאַטור פון דער ווערמאַכט און מיר אויפגעקלערט — הייַנט, קאָן איך דאָס זאָגן — אַז דעמאָלט וואָלטן זיי נישט געווען אין שטאַנד, נישט ברענגענדיק קיין אָפּטיילונגען פון פראָנט, צו דערשטיקן אַן עווענטועלן אויפשטאַנד אין וואַרשע.

„אין געטאָ איז געווען אַ לאַבירינט, וואָס אַזאַ האָב איך נישט געזען אין מיַין לעבן. די קאָרידאָרן, בונקערס זענען געוואָרן אויפגעבויט צו דעם צוועק, מען זאָל זיי אויסנוצן בשעת דעם קאַמף. אין ספּעציעלע בנינים האָט מען אויסגעבויט בעטאָן־בונקערס, פון וועלכע עס זענען שוין דעם ערשטן טאָג אַרויס די קעמפנדיקע כוחות".

שילדערנדיק וויַיטער די קאַמפן פון ערשטן טאָג, דערקלערט סטראָאָפּ אַט וואָס:

„ווי איך דערמאָן זיך, האָט דאָס מיליטער אין איינעם פון די ראָגאָווע היַיזער זיך נישט געקאָנט אַריַינבאַקומען. מען האָט געקעמפט אין משך פון 2—3 טעג. איך בין אַהין אָנגעקומען ווען דעמקע (אַ היטלעריסטישער אָפיציר — ב. מ.) האָט שוין נישט געלעבט. אין איינקלאַנג מיט דעם, וואָס עס האָבן מיר געזאָגט די מענטשן, האָט דעמקע אָנגעגריפן מיט אַ שטורעם־אָפּטיילונג, נישט שוינענדיק דאָס לעבן, און האָט באַוויזן אַריַינצוגיין אין דעם הויז. פון דעם דאָזיקן הויז האָט מען וויַיטער באַשאָסן די אָפּטיילונג, און ווען דער קאַמף האָט זיך פאַרענדיקט, האָבן די דיַיטשן געמוזט זיך צוריקציִען. דעמקע און נאָך איין מאַן זענען אומגעקומען".

וועגן דער באַוואָפענונג פון די אויפשטענדלער זאָגט סטראָאָפּ:

„איך האָב באַמערקט אַז די געטאָ־איינוווינער פאַרמאָגן באָמבעס, וועלכע זיי האָבן אַליין אויסגעאַרבעט. איך האָב אַליין געזען אַזעלכע באָמבעס אָדער שטאָלענע רערן, די הייך 30 צענטימעטער, זיי זענען געווען פאַרשמאָלצן אונטן, אויבן איז געווען צוגעשמאָלצן אַ דעקל, דערביַי איז געווען אַן אָנצינשטריקל און אַן עפענונג, און אַרום דער עפענונג — אַן אָנצינדשטח. די געטאָ־אויפשטענדלער האָבן אויך פאַרמאָגט אַ גרויסע צאָל פלעשער מיט בענזין".

קאָנראַדס און סטראָאָפּס ציטירטע דערקלערונגען וואַרפן אַ שיַין אויף די דריַי ערשטע גרויסע שלאַכטן דעם 19טן אַפּריל אין דער פרי. קאָנראַד דערציילט וועגן דער שלאַכט אויף זאַמענהאָף־גאַס (דער אָקופּאַנט האָט געענדערט דעם נאָמען פון דער גאַס פון זאַמענהאָף צוריק אויף דזשיקע); סטראָאָפּ, רעדנדיק וועגן דער הויפּטגאַס, מיינט געוויס די נאַלעווקעס. ווען ער רעדט וועגן דעם ראָגאָוון הויז, איז ער געוויס אויסן די שלאַכט אויף מוראַנאָוו.

אין ליכט פון קאָנראַדס דערקלערונג זענען די עס־עס־לייַט אויף זאַמענהאָף־גאַס אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די ייִדישע אויפשטענדלער. די קאַמפן אויף נאַלעווקעס האָבן זיך אויך לכתחילה געענדיקט מיטן נצחון פון די ייִדישע קעמפער; סטראָאָפּ האָט געמוזט אָנווענדן באַזונדערע מיטלען, כדי צוריק דעראָבערן די דאָזיקע הויפּטגאַס פון געטאָ. פונקט אַזוי איז שווער געגאַנגען דאָס דעראָבערן דאָס גרויסע הויז אויף מוראַנאָווסקע. מען האָט דאָ געקעמפט, זאָגט סטראָאָפּ, 2—3 טעג. שוין די דריַי שילדערונגען שטעלן פעסט די העלדישקייט פון די אויפשטענדלער. אַז דער געטאָ־אויפשטאַנד האָט שטאַרק באַאומרויִקט נישט בלויז די אָרטיקע ווערמאַכט־ און דיסטריקט־אָרגאַנען, דערוויַיזט סטראָאָפּס דערקלערונג אויפן געריכט וועגן דעם, אַז „אין צוזאַמענהאַנג מיטן אויפשטאַנד אין געטאָ האָט הימלער אַליין צוויי מאָל אַרויסגעשיקט (צו סטראָאָפּן — ב. מ.) אינפאָרמאַטיווע טעלעגראַמעס" 23). איינציַיטיק זענען געגאַנגען פון בערלין קיין וואַרשע אָנפראַגעס לויט אַ צווייטער ליניע: „דער קאָמענדאַנט פון דער זיכערקייטס־פּאָליציי ד"ר האַהן האָט געהאַט אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט מיטן ריַיכסזיכערהייטס־הויפּטאַמט, מיטן ד"ר ברינער" (סטראָאָפּס דערקלערונג). וועגן דעם, אַז קריגער האָט באַקומען טאָג־טעגלעכע ראַפּאָרטן, איז באַוווּסט. איין טאָג האָט קריגער פאַרלאַנגט צוויי ראַפּאָרטן (סטראָאָפּס דערקלערונג). חוץ דעם איז ער, ווי באַקאַנט און ווי עס האָט באַשטעטיקט אויפן פּראָצעס קאָנראַד, אַראָפּגעקומען ספּעציעל אויף אַן אינספּעקציע אין געטאָ. סטראָאָפּ האָט אויפן געריכט אויך אָפּ־

---

23) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, צווייטער טאָג, ז' 46.

גענעבן אַ דערקלערונג וועגן דעם אויפרייַסן די טלאָמאַצקער שול: „דער ענין איז געווען פאַרענדיקט .הימלער האָט געהייסן מיך רופן צום טעלעפאָן און מיר באַפוילן, איך זאָל אויפן סוף אויפרייַסן די וואַרשעווער סינאַגאָגע. דערבייַ האָט מיר ד"ר האַהן געמאַכט אויפמערקזאַם, אַז אין דער סינאַגאָגע געפינען זיך באַוואָפנטע אויפשטענדלער" 24).

צי אין דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע האָט זיך געפונען אַ גרופּע באַוואָפנטע אויפשטענדלער, דאַרף מען נאָך אויספאָרשן און פעסטשטעלן. אויב עס וואָלט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק, איז דאָס אַ נייַער זייער וויכטיקער פּרט אין דער געטאָ־אויפשטאַנדגעשיכטע. עס איז דאָ אַ גרונט צו מיינען, אַז האַהן, ווי דער אָנפירער פון דער זיכערקייטס־פּאָליציי, איז געווען גוט אינפאָרמירט. בכלל ווייַזט זיך אַרויס אין ליכט פון שטראָאָפּס דערקלערונג אויפן געריכט, אַז אין יעדער היטלעריסטישער אָפּטיילונג האָבן זיך געפונען מענטשן פון ד"ר האַהן, דאָס הייסט — אַז דער שונא האָט געהאַלטן די געטאָ־אַקציע פאַר אַזאַ וויכטיקע, דאָס פּאַראַלעל מיט דער מיליטערישער אַקציע איז געגאַנגען אַ זיכערקייטס־דינסטאַקציע, וועגן וועלכער שטראָאָפּ האָט געוווּסט נאָר אין אַלגעמיינע שטריכן, אָבער אָן גענויע פּרטים. אַגב, איז ער נאָך דעמאָלט נישט געווען עס־עם און פּאָליציי־שעף פון וואַרשעווער דיסטריקט.

אינטערעסאַנט זענען געווען שטראָאָפּס אויפקלערונגען, ווי אַזוי עס זענען צו אים געקומען די איינצלנע ראַפּאָרטן פון די באַזונדערע אָפּשניטן און לויט פאַרשידענע ליניעס. פון די אַלע באַזונדערע באַריכטן האָט דער שטאַבשעף יעזוויִטער צונויפגעשטעלט יעדן טאָג דעם גאַנצן טאָגראַפּאָרט, וועלכן שטראָאָפּ האָט איבערגעשריבן און געשיקט צו קריגערן. אַזוי פלעגן אָנקומען באַריכטן לויט די ליניעס: פון דער זיכערקייטס־פּאָליציי, פון דעם געסטאַפּאָממונה איבערן געטאָ בראַנדט, פון דער פּוילישער „גראַנאַטאָווער" פּאָליציי, פון ווערמאַכט. למשל וועגן דעם, ווי אַזוי די גרופּע זשאָבאָווצעס איז אַרויסגעפירט געוואָרן דורך די אונטערערדישע קאַנאַלן דורך דער גוואַרדיאַ לודאָוואַ, האָט שטראָאָפּ ראַפּאָרטירט די „גראַנאַטאָווע" פּאָליציי; די מעלדונג פון 25טן אַפּריל וועגן דעם, אַז אין קאַמף גייען אַרייַן די „נידעריקסטע" עלעמענטן פון געטאָ, האָט געשטאַמט פון דער זיכערקייטס־פּאָליציי; וועגן דער פּפּ"רישער צענטראַלע אין געטאָ האָט איבערגעגעבן אַ מעלדונג בראַנדט 25). דערקעגן־זשע האָט ער נישט געקאָנט אויפקלערן, וועמען ער האָט געמיינט אין זייַן ראַפּאָרט צו קריגערן אונטער די באַצייכענונגען „אַקטיוויסטן", „פּאַרטיי" און „טעראָריסטן". וועגן די פאַרשידענע דערשייַנונגען פון העלדישקייט האָט ער איבערגעחזרט אַ ריי זאַכן, וועלכע זענען באַקאַנט פונעם ראַפּאָרט, צווישן אַנדערע וועגן די ייִדישע פרויען, וועלכע האָבן געשאָסן פון פּיסטאָלעטן.

עטלעכע מאָל שטרייַכט שטראָאָפּ אונטער, אַז דאָס איז געווען אַ שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער קאַמף. „דאָס איז געווען אַזאַ ווידערשטאַנד, וועלכער האָט געקאָנט ווערן דערשטיקט נאָר מיט פאַרביסענעם כּוח, און קעגנפאַל וואָלט נישט געלוינט אָנצוהייבן... איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון דעם, אַז דאָס איז אַ קאַמף, אַ ווידערשטאַנד, וועלכן עס איז שווער צו צעברעכן, אָבער, אַז ער מוז ווערן געבראָכן" 26).

---

24) דאָרטן, ז' 30.

25) אָריגינאַל פונעם פּראָצעס, צווייטער טאָג, זייַט 51.

26) דאָרטן, ז' 26.

4

וואָס פאַר אַ נייעס האָט אַריינגעבראַכט דער עדות פאַרהער

פאַרן געריכט זענען אַרויסגעטרעטן זיבעצן עדות, אַלע פון דער באַשולדיקונג. די פאַרטיידיקונג האָט נישט געהאַט און נישט געקאָנט האָבן קיין איין עדות. אַרויסגערופן זענען געוואָרן מער עדות — עטלעכע האָבן צוליב קראַנקייט נישט געקאָנט קומען, עטלעכע געפינען זיך אין אויסלאַנד. בכלל האָט די פּראָקוראַטור געקאָנט האָבן הונדערטער עדות — אַלע ייִדן, וועלכע האָבן אַדורכגעמאַכט דעם געטאָגרויל, יעדער איינער פון זיי איז אַ גאַנצע דראַמע פאַר זיך. אויך פּוילישע עדות האָט מען געקאָנט האָבן מער. אָבער דער פּראָצעס האָט דאָך נישט געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטודיומאָרט. דעריבער האָט די פּראָקוראַטור אויסגעקליבן אַ גרופּע עדות, וועלכע אָדער זיי זענען פּערזענלעך געקומען אין באַריר מיט די אָנגעקלאָגטע, אָדער זיי האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין די געשעענישן, וואָס האָבן אַ שייַכות מיט די מעשׂים פון די באַשולדיקטע.

די עדות קאָן מען אייַנשטעלן אין עטלעכע גרופּעס: א) די וואָס האָבן אָנטיילגענומען אויף אַזאַ אָדער אַנדערן אופן אין די קאַמפן, אָדער זענען געקומען אין באַריר מיט די קעמפער; ב) די וועלכע האָבן אויף זייער אייגענער הויט אין אַזאַ אָדער אַנדערער פאָרעם אַדורכגעמאַכט די גרויליקע מעשׂים פון די באַשולדיקטע; ג) די פּוילישע עדות, וועלכע זענען געווען אין געטאָ, אָדער בייַם געטאָ, בעת די געשעענישן; ד) די פּוילישע עדות, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט הילף פאַר די ייִדישע קעמפער; ה) די פּוילישע עדות, וועלכע וויסן צו דערציילן וועגן טרעבלינקע.

די ערשטע גרופּע עדות ווייסט צו דערציילן וועגן ביידע זייַטן פון דער ווירקלעכקייט — וועגן דער שוידערלעכער אַכזריות פון די היטלעריסטישע פעלקערמערדער אונטער דער אָנפירונג פון באַשולדיקטן שטראָאָפּ און וועגן דעם העלדישן ווידערשטאַנד פון די ייִדישע אויפשטענדלער. דער עדות מאַרעק עדעלמאַן 27), געוועזענער שטאַבמיטגליד פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און קאָמאַנדיר פון דעם בערשטער־אָפּשניט, הייבט אָן זייַן דערקלערונג פון פעסטשטעלן די מפּלות פון זאַממערן־פראַנקענעגג. די ערשטע מפּלה האָט ער געליטן אין יאַנואַר 1943, די צווייטע אין מאַרץ 1943, ווען זאַממערנס אָן אָפּטיילונג אין דער צאָל פון 50 מאַן איז געוואָרן טיילווייַז צעקלאַפּט דורך דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און איז נישט צוגעלאָזט געוואָרן אויפן געבית, וווּ זיי האָבן געהאַט אָן אויפגאַבע דורכצופירן אַ „פּאַציפיקאַציע". דער דאָזיקער מאָמענט, הגם אַלגעמיינע ידיעות זענען שוין וועגן אים געווען, איז דאָך אַ נייַס. ליידער איז דער מאַרץ־אַרויסטריט פון „זשאָב" ווייניט אויסגעפאָרשט, און אין ליכט פון עדעלמאַנס עדות־זאָגן קומט ער אַרויס ווי דער צווייטער קאַמפּסרינג נאָך דעם יאַנואַר־אַרויסטריט. עס בלייַבט נאָך אָפן די פראַגע, ווער (פּערזענלעך) עס האָט אָנגעפירט מיט דעם דאָזיקן דרייסטן אָנפאַל אויף זאַממערנס אָפּטיילונג.

פון עדעלמאַנס ווייַטערדיקער דערקלערונג וועגן דעם, אַז „אונדז איז געווען באַוווּסט, אַז עס וועט קומען איינער ספּעציעל;

---

27) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, צווייטער טאָג, זייַטן 111—117.

דעם 18טן אַפּריל האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער איז געקומען צו פאָרן, סטראָאָפּס נאָמען האָבן מיר נישט געקענט" — קומט אַרויס, אַז נישט בלויז זאַממערן און האָהן האָבן געהאַט זייערע אַגענטן אין געטאָ און געוווּסט וועגן אַ ווידערשטאַנד, וואָס גרייט זיך, נאָר אַז אויך די ייִדישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אַן אויסשפּיר אין דעם שונאס לאַגער און געוווּסט, אַז עס דאַרף קומען אַ ספּעציעלער גרויס־פּאַציפיקאַטאָר. וועגן די עצם־געשעענישן דערקלערט דער עדות עדעלמאַן אָט וואָס:

„פיר אַ זייגער בײַ נאַכט האָבן זיי אַרומגעשטעלט דעם צווישנגעטאָ־שטח. זעקס אין דער פרי שפּאַנט אַרײַן אין דײַטשע גרופּע. מען האָט זי אַרײַנגעלאָזט טיף, און ערשט בײַם צוזאַמענקום פון מילע און זאַמענהאָף איז געקומען צום ערשטן אָנגריף פון די קאַמפּסגרופּעס. די דײַטשע אָפּטיילונג, וואָס האָט זיך אויסגעליינגט מיט אַ לאַגער אין גאַס, איז געוואָרן צעקלאַפּט און געמוזט אַנטלויפן אין בהלה.

„אונדזער אומגליק איז געווען, וואָס מיר האָבן נישט געהאַט קיין געווער, מיר האָבן געקאָנט ווירקן נאָר מיט אומגעריכטן אָנפאַל.

„12 אַ זייגער פרוּווט סטראָאָפּ אַטאַקירן אַנדערע גאַסן, ער גרײַפט אָן דאָס הויז אויף עק נאַלעווקעס און גענשע. עס זענען דאָרטן געפאַלן אַ סך פאַרוווּנדעטע דײַטשן. אַ גרופּע קעמפער אין דער צאָל פון צען פערזאָן האָבן אײַנגעהאַלטן די דײַטשן אויף עק גענשע און נאַלעווקעס אין משך פון עטלעכע שעה. מיר האָבן אויסגעברענט דאָס הויז, מיר האָבן אַרויסגערופן אַ שׂרפה אין געטאָ.

„דעם צווייטן טאָג איז ביז צוויי אַ זייגער קיין אַקציע אין געטאָ נישט געווען. עס איז וואָרשײַנלעך פאָרגעקומען אַ גרויסע איבערגרופּירונג פון די כּוחות. דעם צווייטן טאָג האָבן זיך די דײַטשן אויך נישט אַרײַנבאַקומען אין געטאָ. דער קאַמף דויערט ביז אַכט אַ זייגער אין אָוונט. קיין איין היטלעריסט איז נישט אַריבער אויפן געטאָ־געביט.

„דעם דריטן טאָג זענען די דײַטשן געגאַנגען אין קליינע צאָלן. זיי צינדן אונטער, זיי שטופּן אַרײַן פעסלעך מיט בענזין אין אַלע טויערן און געוועלבער און צינדן אונטער. טויזנטער מענטשן קומען אום.

„ווען זיי האָבן געהאַט גרויסע פאַרלוסטן, האָבן די היטלעריסטן אַרויסגעשיקט צוויי אָפיצירן מיט ווײַסע קאָקאָרדעס און געבעטן אַ 15מינוטיקן וואָפנשטילשטאַנד, אָבער אין דער זעלבער צײַט האָבן זיי געברענט דאָס געביט.

„די זעלביקע נאַכט האָבן מיר זיך אַרויסבאַקומען אויפן געביט פון צענטראַלן געטאָ.

„מיר האָבן פאַרטיידיקט די בונקערס, אין וועלכע עס איז געווען די ייִדישע באַפעלקערונג".

אין ווײַטערדיקן טייל שילדערט דער עדות די גרויליקע מעשׂים פון סטראָאָפּס חיילות: אינעם שפּיטאָל אויף גענשע 6, ווו זיי האָבן דערשטיקט קינדער, פאַרברענט כירורגישע קראַנקע לעבעדיקערהייט, אויפגעטרענט טראָגעוודיקע פרויען די בײַכער; אויפן הויף פראַנציסקאַנער 30 האָט דער עדות געזען הרוגים מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ; אין דעם זעלביקן אָרט האָבן זיי אַרײַנגעלאָזט גאַז — „אויף צו מאָרגנס האָבן מיר דאָ געפירט מיט זיי אַ שלאַכט. דעמאָלט האָבן זיי זיך אויפגעפירט פּחדנותדיק".

וויכטיק איז די פעסטשטעלונג פונעם עדות, אַז די פאַרטיידיקער האָבן אַרײַנגעלאָזט גאַז אין די בונקערס. בנוגע אונדזער טעמע זענען קודם־כּל וויכטיק עדעלמאַנס דערקלערונג וועגן די קאַמפן דעם ערשטן טאָג. אין אַלגעמיין דעקן זיי זיך מיט דעם, וואָס קאָנראַד און סטראָאָפּ האָבן איבערגעגעבן וועגן דער לאַגע אויף דער זאַמענהאָף־גאַס און אויף נאַלעווקעס און גענשע.

עדעלמאַן האָט גערעדט וועגן די געביטן, ווו ער איז געווען פערזענלעך — דאָס בערשטער־געביט און דאָס צענטראַלע געטאָ. אַ צווייטער עדות, בערנאַרד באָרג, האָט איבערגעגעבן וועגן די געשעענישן אויפן געביט פון לעשנאָ, נאָוואָליפּקי, נאָוואָליפּיע, קאַרמעליצקע. ער דערציילט: 28)

„דעם ערשטן טאָג פונעם אויפשטאַנד איז אויף לעשנאָ, נאָוואָליפּקי, נאָוואָליפּיע, קאַרמעליצקע געווען רויִק. קיין קאַמפן זענען נישט געווען. אויף צו מאָרגנס האָט די קאָמאַנדע פון אונדזער פפּ"רישער קאַמפּסגרופּע באַשלאָסן צו באַזעצן די פּונקטן. מיר האָבן פאַרנומען אַ פּאָזיציע אויף לעשנאָ 74 נאָענט צו אײַזן־גאַס. פון דער זײַט פון דער אײַזן־גאַס מאַרשירן די דײַטשן צום געטאָ. אויף סמאָטשע ראָג נאָוואָליפּיע וואַרפט אונדזער גרופּע אַרום 10 אַ זייגער עטלעכע באָמבעס און פלעשער, עס פאַלן עטלעכע דײַטשן. אין אַ האַלבער שעה אַרום קומען זיי ווידער מיט פאַרשטאַרקונגען. זיי מאַכן אַ פּאָגראָם אין דעם הויז.

„מיר ציִען זיך צוריק אויף נאָוואָליפּיע 61—63. בײַ נאַכט קערן מיר זיך אום צוריק אין בונקער אויף לעשנאָ 74, ווו עס איז פאַראַן אַ דורכגאַנג אויף דער „אַרישער" זײַט.

„אין עטלעכע טעג אַרום איז פאָרגעקומען אַ גרויסע שלאַכט אויף סמאָטשע 6—8 און נאָוואָליפּיע פון נומער 3 ביז 7. די היטלעריסטישע אָפּטיילונגען, וועלכע מאַרשירן צום געטאָ, ווערן פון צוויי זײַטן אַטאַקירט. פון די 56 מענטשן פון דער פפּ"רישער קאַמפּסגרופּע אויפן טעבענס־געביט זענען געבליבן לעבן נאָר 14".

אויך באָרג דערציילט וועגן דעם, אַז די היטלעריסטן האָבן אַרײַנגעלאָזט אין די בונקערס גאַז.

וויכטיק איז געווען באָרגס דערציילונג, ווי אַזוי מען האָט אים מיט אַ גאַנצן צוג געפירט קיין טרעבלינקע. דאָס איז געווען נאָכן 14טן מײַ. וויכטיק איז דאָס דערפאַר, ווײַל די פאַרטיידיקונג האָט זיך באַמיט צו דערווײַזן, אַז מען האָט שוין דעמאָלט נישט געפירט קיין טרעבלינקע, און דעריבער האָט סטראָאָפּ נישט געקאָנט וויסן, אַז מען פירט די ייִדן אויף טויט. 29) באָרג איז געווען צווישן די, וועלכע מען האָט געפירט קיין טרעבלינקע, און פון דאַנען — וואָס איז געווען אין טרעבלינקע אַ זעלטענע דערשײַנונג — קיין מאַידאַנעק.

---

27) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, צווייטער טאָג, זײַטן 111—117.

28) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, דריטער טאָג, זײַטן 53—58.

29) פּאַקטיש האָט מען קיין טרעבלינקע געפירט טראַנספּאָרטן מיט ייִדן אויך אין דער צווייטער העלפט אויגוסט 1943.



קינדער, קרבנות פון הונגער און עפּידעמיעס


OSWIECIM
MAJDANEK
CHELMNO
BELZEC

אַש־אורנעס פון פאַרשידענע טויט־לאַגערן



בונקער פון שטאַב פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע

די געטאָ־מויער אויפן פּשעיאַזד



געפאַנגענע אויפשטענדלער ווערן געפירט צום דערשיסן

אויפשטענדלער, וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף



די וואַרשעווער סינאַגאָגע, די לעצטע פעסטונג פון וואַרשעווער
געטאָ, וואָס די נאַציס האָבן חרוב געמאַכט



אַ טראַמוויי פאַר יִידן אין וואַרשעווער געטאָ. דער מגן דוויד
אויבן איז אַן אָנווייז, אַז אינעם טראַמוויי מעגן פאָרן בלויז
יִידן און אַז ער טאָר ניט אַרויס פון געטאָ.



די ערשטע „לאַפּאַנקע" פון ייִדן אין וואַרשע. דאָס בילד געפונען בײַ
אַ דערהרגעטען דײַטשן אָפיציר אין אָקטאָבער 1943



ארויסגעטריבענע ייִדן פון די בונקערס ווערן אָפגעפירט
צום עקזעקוציע־פלאַץ



אַ גרופע וואַרשעווער ייִדן ווערן געפירט דורך די נאַצישע מערדערס צו די שחיטה



אין קאָנצענטראַציע־לאַגער, געפירט צו דער אַרבעט



פייניקונגס־באַנק



אַ יִידישע פאַמיליע אין וואַרשעווער געטאָ. (צייכענונג פון אַרטור שיק)



עטלעכע אויוונס צוזאַמען, אַ פאַבריק... די העכסטע מדרגה פון
מאַסן־מאָרד ... אויסגעפירט דורך די „העכסטע" ראַסע



„מאַידאַנעק" — (צייכענונג פון ייִדישן קינסטלער קאַנטאָר פון בוענאָס איירעס)

וועגן אַ דריטן אָפּשניט — וועגן מוראַנאָוו — גיט איבער אין זײַן עדות־זאָגן ד"ר רישאַרד וואַלעווסקי. ער דערקלערט צווישן אַנדערן אָט וואָס: 30)

„אויף מוראַנאָווסקע דויערן פּאָליציי־קאַמפּן אָן איבעררײַס דרײַ טעג. דאָס איינציקע מאַשין־געווער פון די ייִדן פאַרהאַלט דאָ דעם שונא אין משך פון צוויי טעג. די קרוינונג פון אָט דעם ערשטן עטאַפּ איז געווען דאָס אויסהענגען אַ פאָן, וועלכע האָט אין משך פון עטלעכע צענדליק שעה געפלאַטערט אויף איינעם פון די גרעסטע בנינים פון מוראַנאָווער פּלאַץ”.

וואַלעווסקיס עדות־זאָגן באַרײַכערט אונדזערע ידיעות מיט עטלעכע וויכטיקע פּרטים: דאָס אויסשטעלן מצד דעם שונא האַרמאַטן אויך פון דער זײַט פון מוראַנאָוו; די צוויימאָליקע קאַמפּס־אַרויסטריטן פון פּוילישע גרופּעס פון דער מוראַנאָווער זײַט; דער אײַנדרוק פון דעם סאָוועטישן אָנפאַל דעם 13טן מײַ; די ספּאָראַדישע קאַמפּן פון די חורבות־גרופּעס פון נאַלעווקעס, פראַנצישקאַנער, קוזשע. אָט ווי וואַלעווסקי כאַראַקטעריזירט די קאַמפּס־אַרויסטריטן פון די פּוילישע גרופּעס פון דער מוראַנאָווער זײַט:

„אין דער געגנט פון מוראַנאָוו האָבן אונדז צוויי מאָל גראַטעווועט די אַרויסטריטן פון פּוילישע גרופּעס וועלכע האָבן אַטאַקירט די היטלעריסטישע פּאָסטנס, געוואָרפן גראַנאַטן אויף דער עס־עס, כדי צו קאָנען אַדורכגיין אויף דעם מוראַנאָווער פּלאַץ. דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ קאָלאָסאַלע הילף און ווען נישט אָט דער אָנגריף פון אויסן, וואָלט שווער געווען צו זאָגן, צי דער קאַמף אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ וואָלט געגעבן אַזאַ עפעקטיוון רעזולטאַט”.

עס וואָלט געווען זייער אינטערעסאַנט אויסצופאָרשן די פּראָבלעם. וואַסילעווסקיס עדות־זאָגן וואַרפט אַ געוויסן שײַן אויף דער פראַגע: אַ דאַנק וואָס איז געלונגען אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ צו פאַרהאַלטן דעם שונא אין משך פון צוויי, אָדער אפשר פון דרײַ טעג.

וועגן דעם אײַנדרוק פון דעם אָנפאַל פון דער סאָוועטישער אַוויאַציע דעם 13טן מײַ, ברענגט דער עדות דעם ווײַטערדיקן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען אין געטאָ אין די טעג און נעכט פון פאַרצווייפלטן לעצטן קאַמף און גסיסה:

„איין ייִנגל האָט דערציילט, אַז גאַנצע נעכט ליגט ער מיטן אויער בײַ דער ערד און הערט אָפּהילכן פון שווערע סאָוועטישע טאַנקען, וועלכע דערנענטערן זיך צו וואַרשע, און אַז די דערלייזונג איז נאָענט. מען דאַרף אויסדויערן נאָך אַ טאָג, אַ וואָך, אַ חודש. דאָס זענען אין אָט די זייער שווערע צײַטן מאָמענטן פון עפּעס אַ פּסיכישן ווענטילאַטאָר”.

וויכטיק זענען אויך די אינפאָרמאַציעס, וועלכע עס האָט איבערגעגעבן דער עדות וועגן דעם, אַז אויפן הויף פראַנצישקאַנער 28 האָבן די היטלעריסטן אײַנגעאָרדנט אַן עקזעקוציע־פּלאַץ. 31) אַזעלכע טויטפּלעצער זענען, ווײַזט אויס געווען עטלעכע אין געטאָ.

---

30) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, דריטער טאָג, זײַטן 8—24.

31) ווײַזט אויס, אַז דאָס איז דער זעלביקער עקזעקוציע־פּלאַץ, וואָס איז געווען אין הויף פון ברויערס שאָפּ (נאַלעווקעס עק פראַנטשישקאַנער).

חוץ אויף פראַנטשישקאַנער איז געווען אויך אויפן יודענראַט־הויף, אויפן גענשער בית־עולם א"א.

עטלעכע וויכטיקע נײַע פּרטים האָבן אַרײַנגעבראַכט די פּוילישע עדות, וועלכע האָבן זיך געפונען, צוליב די, אָדער אַנדערע סיבות, אויפן אָרט פון די געשעענישן און האָבן זיך אָנגעטראָפן מיטן באַשולדיקטן סטראָאָפּ. דער עדות פּאַוועל גאָלאָמבעק איז געווען אַ „גראַנאַטאָווער” פּאָליציאַנט און האָט זיך אַמטלעך געפונען אין משך פון עטלעכע טעג פונעם אויפשטאַנד אין געטאָ. אָט וואָס ער גיט איבער: 32)

„איך האָב געזען סטראָאָפּן צווישן דעם 25טן ביזן סוף אַפּריל אַ דרײַ פיר מאָל. איין מאָל האָב איך אים געזען אויף ניזקע־גאַס אַנטקעגן דעם מעבל־מאַגאַזין אויפן פּלעצל. סטראָאָפּ איז געזעסן אויף אַ שטיין אין דער אַרומרינגלונג פון העכערע אָפיצירן. דאָ איז געווען אויך קאָנראַד. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך אויף אַ באַלקאָן געזען צוויי אַלטע לײַט, צוויי יונגע און איין קינד. דאָס הויז האָט געברענט. ווען דאָס פײַער האָט אַרומגעכאַפּט דאָס הויז און האָט אַרויסגעזעצט אויפן באַלקאָן, האָט די יונגע פרוי גענומען רעדן צו סטראָאָפּן — אַז ער דאַרף זיך שעמען, אַז דאָס דײַטשע פאָלק האָט אַרויסגעגעבן געטען, און איר, וואָס דערלויבט איר זיך צו טאָן? איך בעט נישט קיין גנאָד, ווײַל איך ווייס, אַז פון זײַן האַנט וועל איך קיין גנאָד נישט באַקומען. אָבער געדענק, אַז פאַר דעם, וואָס טרעפט אונדז הײַנט וועט דיר קיין באַצאָלונג נישט אויסמײַדן. — אין דעם מאָמענט האָט דאָס פײַער אַרומגעכאַפּט דעם באַלקאָן, און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן ברענען, און זיי האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער עצה ווי נאָר אַראָפּשפּרינגען: צו ערשט די אַלטיטשקע, נאָך איר איז געשפּרונגען דער אַלטער, און די מוטער האָט גענומען דאָס קינד אויף דער האַנט און איז אַראָפּגעשפּרונגען פון באַלקאָן מיט קאַמף־אויסגעשרייען. נאָך איר איז געשפּרונגען דער מאַן. דעמאָלט איז סטראָאָפּ אויפגעשטאַנען און האָט געהייסן די עס־עס־לײַט, זיי זאָלן גיין און פאַרענדיקן מיט די, וואָס זענען אַרויסגעשפּרונגען פון באַלקאָן”.

און ווײַטער:

„איך האָב געזען ווי ער איז געגאַנגען מיטן אויטאָמאַט איבער דזשיקע־גאַס אין דער צײַט פון דער שׂרפה אַ צוויי־דרײַ טעג שפּעטער. קאָנראַד האָט געמאַכט פאָטאָ־אויפנאַמעס.

„נאָך איין מאָל האָבן זיך געפונען אויף אַ באַלקאָן צוויי אַלטיטשקע, ביידע פאַרוווּנדעטע, פאַרבאַנדאַזשירטע. דער גאַנצער שטאַב האָט זיך גלײַכגילטיק צוגעקוקט צו דער סצענע. דער אַלטיטשקער איז אַרויסגעשפּרונגען און געפאַלן אויף דער ערד. זי האָט שפּרינגענדיק זיך פאַרטשעפּעט אינעם באַלקאָן און לאַנג אַזוי געהאָנגען. און זיי האָבן איראָניש געלאַכט”.

פון די פּראָצעסאַקטן און פון אַנדערע עדות ווערן מיר געווויר, אַז אין אַזעלכע פאַלן האָבן סטראָאָפּס מענטשן געשאָסן די קרבנות.

סטראָאָפּ, וועלכער האָט איראָניש געלאַכט אין אָנבליק פון די

---

32) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, צווייטער טאָג, זײַטן 99 און 180.

אוממענטשלעכע יסורים פון זײַנע קרבנות, איז אָבער אַליין אַ גאַנץ קנאַפער העלד. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט — ווי עס גיט איבער אין זײַן געשריבענער גבית־עדות קאָנראַד — געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ העלד און איז געבליבן זיצן פאַרן יודענראַט־בנין הינטערן בוים, וועלכער איז באַשאָסן געוואָרן דורך די ייִדישע אויפשטענדלער, האָט ער דאָך געזאָרגט וועגן אַ געהעריקער שטאַרק באַוואָפנטער שוץ פאַר דער אייגענער פערזאָן. וועגן דעם גיט איבער דער פוילישער עדות העלענאַ לעכאָווסקאַ, וועלכע פלעגט טאָגטעגלעך קומען פון דער „אַרישער" זײַט אין געטאָ אַריין, ווײַל זי האָט געאַרבעט אין „טראַנסאָוויאַ" אויף סטאַווקי־געסל. אינעם טאָג פון אויפשטאַנד איז זי געבליבן שטעקן אין געטאָ, און מען האָט זי אין משך פון די ערשטע פאָר טעג נישט געוואָלט אַרויסלאָזן. אָט וואָס זי דערציילט וועגן דעם ענין, וואָס אינטערעסירט אונדז: 33)

> „אין צוויי טעג אַרום איז אַהער (אין „טראַנסאָוויאַ" — ב. מ.) אָנגעקומען סטראָפּ און, דאַכט זיך, אויך קאָנראַד. מען האָט אַלעמען אין איינעם מיטן אינזשיניער ראָזענפעלד (מיט וועלכן דער עדות האָט געהאַט קאָנטאַקט — ב. מ.) אָפּגעפירט אויפן אומשלאַג. צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך געוואָלט צוריקציִען אין טויער אַריין, זענען דערשאָסן געוואָרן. סטראָפּ הייסט אָפּשיקן אויפן אומשלאַג אויך אַלע פאָליאַקן פון דאַנען, מיך אויך. זײַטיקע מענטשן זאָגן, אַז מען טאָר נישט לאָזן קיין עדות. סוף כל סוף האָט מען די פון אונדז, וואָס האָבן געהאַט דורכגאַנגשײַנען אויף דער „אַרישער", אַרויסגעלאָזט. די פאַבריק האָט מען אונטערגעצונדן.

> „ווען איך האָב זיך אין צווישן אויסבאַהאַלטן אין דער שכנישער גאַרבערײַ פון דער פירמע פשיטולסקי, האָב איך געזען: אַנטקעגן דער פאַבריק, אַנטקעגן „טראַנסאָוויאַ" זיצט אויפן דאַך עמעצער מיט אַ מאַשין־געווער. סטראָפּ איז געגאַנגען אונטער דער שוץ פון צאָלרײַכע מאַשין־געווערן, וועלכע האָבן אַרומגעשטעלט אַלץ אַרום".

סטראָפּ איז אַזוי אַרום געווען גוט געדעקט. די מורא פאַר די קוילן פון די ייִדישע קעמפער איז, אַפּנים, געווען אַזוי גרויס, אַז סטראָפּ איז געווען באַשיצט נישט בלויז אַרום זיך, נאָר אויך אויפן דאַך אַנטקעגן איז געזעסן אַ באַשיצער זײַנער מיט אַ מאַשין־געווער, וועלכער האָט מסתמא געהאַט די אויפגאַבע צו קאָנטראָלירן פון אויבן דעם גאַנצן שטח אונטן.

העלענאַ לעכאָווסקאַס עדות־זאָגן פאַרמאָגט נאָך עטלעכע וויכטיקע פרטים: ראשית — האָט מען אין „טראַנסאָוויאַ" געוווּסט אַ טאָג פאַרן אויפשטאַנד, אַז עס גרייטן זיך געשעענישן אין געטאָ. דער אינזשיניער ראָזענפעלד האָט עס בפירוש געזאָגט דעם עדות און געוואָרנט, אַז זי זאָל אויף צו מאָרגנס נישט קומען, „ווײַל עס גרייט זיך אַ ווידערשטאַנד, ווײַל איך וועל דעמאָלט טראָגן אַלע קאָנסעקווענצן פונעם קאַמף, אַזוי ווי אַלע אײַנוווינער פון געטאָ" (די ווערטער פונעם עדות). הייסט עס, אַז עס ווערט באַשטעטיקט די טעזע, אַז אין „טראַנסאָוויאַ" אויף סטאַווקי איז געווען אַ ווידערשטאַנד־גרופּע. צווייטנס — דרינגט אַרויס פון לעכאָווסקאַס עדות־זאָגן, אַז גלײַך דעם ערשטן טאָג פונעם אויפשטאַנד איז פאָרגעקומען אַ קאַמף אויף סטאַווקי אין דער געגנט פון „טראַנסאָוויאַ"; דער עדות זאָגט: „אָבער איך בין געבליבן איבער נאַכט און אין דער פרי האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד, אין דער פרי איז שוין געווען אַ שיסערײַ, אַפילו אַרום מיר זענען געפלויגן קוילן. אינזשיניער ראָזענפעלד האָט מיך געבעטן, איך זאָל פרוּוון אַרויסגיין פון געטאָ, איך זאָל אַזוי אַרום אָנבינדן אַ קאָנטאַקט מיט זיי". דריטנס — ווערט דורך דעם עדות באַשטעטיקט דאָס, וואָס עס האָט דערקלערט אין זײַן עדות־זאָגן ר. וואַלעווסקי, אַז דעם שונאס מאַשין־געווער האָבן אַרומגערינגלט דאָס געטאָ מיט אַ קרײַז, אָדער האַלבקרײַז. דער עדות לעכאָווסקאַ שטעלט פעסט: „טראַנסאָוויאַ" איז געלעגן בײַם געטאָ־טויער, און פון יענער זײַט מויער זענען געווען מאַשין־געווערן, און זעלנער האָבן געשאָסן אין יעדן פענצטער, וווּ מענטשן האָבן זיך נאָר באַוויזן". דאָס עדות־זאָגן פון העלענאַ לעכאָווסקאַ וועט העלפן בײַם אָריענטירן זיך אין דער סטראַטעגישער לאַגע פון קעמפנדיקן געטאָ.

אין געטאָ גופא איז בעת די געשעענישן געווען אויך דער פוילישער עדות יוליאַן קודאַשעוויטש, דער געוו' מיטאײַגנטימער פון דעם בערשטערשאָפּ — (זײַן גענויע גבית עדות געפינט זיך אינעם אַרכיוו פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט). אינעם קריטישן טאָג, דעם 19טן אַפּריל, איז ער געלאָפן אין פאַבריק אַרײַן, כדי צו ראַטעווען קעגן אַ שרפה. ער האָט אַליין געזען סטראָפּן און אויך ער שטעלט פעסט, אַז סטראָפּ האָט זיך געהאַלטן אין אַ פאַרזיכערטן אָרט. דער פרט, וואָס דער עדות קודאַשעווסקי האָט אַליין געזען סטראָפּן, האָט אַ באַדײַטונג, ווײַל דאָס הייסט אַז סטראָפּ איז אויך געווען אַ געוויסע צײַט אויפן קאַמפּאַפּשניט פונעם בערשטער־געביט. פון דעם, וואָס סטראָפּ גיט איבער אין זײַנע אויספאָרשונג־ און געריכט־פאַרהערן איז צו זען, אַז צום שטאַרקסטן האָבן זיך אים אײַנגעקריצט אין זכרון די קאַמפן אויף נאַלעווקעס און מוראַנאָוו און צום טייל אויף זאַמענהאָף (וווּ ער איז לכתחילה דירעקט נישט געווען, ווײַל דער הויפּטקאַמף איז דאָ פאָרגעקומען פאַר טאָג, ווען עס האָט נאָך אָנגעפירט מיט די כוחות זאַממערן). דערקעגנזשע וועגן בערשטער־געביט געדענקט ער נישט, אָדער שוואַך. דער עדות דערמאָנט אים, אַז ער, סטראָפּ, איז געשטאַנען אויף וואַלאָווע־גאַס און אַרויסגעגעבן באַפעלן. קודאַשעוויטש גיט אויך איבער די צאָל פון סטראָפּס שטאַב, דאָס זענען געווען זעקס אָפיצירן, וואָס שייך דעם בילד פון די קאַמפן, האָט דער עדות, וועלכער איז דורכגעלאָפן דורכן פאַבריקס־געביט, געזען, אַז די ייִדן זיצן אויף די דעכער און שיסן אין די היטלעריסטן, און אַז שפּעטער איז דער קאַמף פאָרגעקומען אינעווייניק אין פאַבריק.

אַזוי אַרום האָט אויך דאָס עדות־זאָגן פון יוליאַן קודאַשעוויטש אַרײַנגעבראַכט עטלעכע נײַע פרטים וועגן פאַרלויף פון די קאַמפן. 34)

אַ זייער וויכטיקן פרט, וועלכער פאַרדינט נאָך אָבער אַ גענויע אויספאָרשונג, האָט איבערגעגעבן אין זײַן אַרויסטריט דער פערטער פון אָט דער עדות־גרופּע, דער פאָליאַק אינזשיניער פאַוועל בראַנני. 35) ער דערציילט, אַז דורך דעם בית־הכסא, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער ערד אויפן ראָג נאַלעווקעס און לאַנגע־גאַס, איז מיט אַ לענגערער צײַט פאַרן געטאָ־אויפשטאַנד אַרויס אַ קאַמפסגרופּע מיטן ציל צו באַפרײַען אַ גרופּע אַרעסטירטע פון פאַוויאַק. *) דעם 29טן אַפּריל איז דער עדות צוליב געוויסע אָנגע־

---

33) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, דריטער טאָג, זײַטן 39—46.

34) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, צווייטער טאָג, ז' 101.

35) דאָרטן, דריטער טאָג, זײַטן 7—8.

*) עס קען זײַן, אַז דער עדות מיינט דאָ דעם קאַמף בײַם אַרסענאַל דעם 1טן אַפּריל 1943.

לעגנהייטן געווען אויף דעם אָרט און האָט געטראָפן דאָ אַ גרופּע מיליטער־לײַט מיט אַן אָפיציר אין שפּיץ, וועלכע האָט געהאַט די אויפגאַבע אויפצורײַסן דעם בית־הכסא מיטן קאַנאַל, וואָרעם (מיר ציטירן דעם עדות):

„דער דײַטשער גענעראַל האָט זיך גערעכנט דערמיט, אַז די יִדן־אויפשטענדלער, וועלכע געפינען זיך אין בונקערס אויף פראַנטשישקאַנער און נאַלעווקעס, וועלן זיך אַרויסבאַקומען דורכן קאַנאַל, וואָס גייט לענגויס די נאַלעווקעס און דורך דעם בית־הכסא וועלן זיי זיך אַרויסבאַקומען אויף דרויסן מחוץ די געטאָ־גרענעצן. דעריבער איז אַהער געקומען אַן אָפיציר מיט זעלנער, כדי אויפצורײַסן דאָס אָרט".

די צוויי פּוילישע עדות — יוזעף פּאָגאָזשעלסקי, דער דיזשורנע פון דער באַוועגונג אין דער טרעבלינקער באַנסטאַציע אין דער אָקופּאַציע־צײַט, און באָראָווי, אַ באַן־אַרבעטער פון טרעבלינקע — ווייסן צוו"אַנד' צו דערציילן וועגן איין ווידערשטאַנד־אַקט מצד אַ גאַנצן טראַנספּאָרט, מיט וועלכן די היטלעריסטן האָבן, ווי עס זאָגן די עדות, אין משך פון צוויי טעג נישט געקאָנט זיך קיין עצה געבן. 36) דער דאָזיקער פאַקט איז באַקאַנט פון אַ גבית עדות; וואָרשײַנלעך איז דאָס געשען אין חודש מאַרץ 1943 מיט אַ טראַנספּאָרט פון גראָדנע; די יִדן האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד באַלד בײַ די וואַגאָנען, בײַם אַראָפּגיין; דרײַ עס־עס־לײַט האָט מען געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל. די גרופּע פון די אויפשטענדלער זאָל האָבן געציילט 2000 נפשות. 37)

דעם עדות פּאָגאָזשעלסקי שטעלט דער פּראָקוראָר אַ פראַגע: צי האָט דער עדות ידיעות וועגן דעם אויפשטאַנד אין טרעבלינקע?

עדות פּאָגאָזשעלסקי: איך האָב געהערט, אַז די יִדן האָבן גענומען געווער אין האַנט אַרײַן און אונטערגעצונדן די באַראַקן. נאָך דער שרפה פון די באַראַקן האָט מען שוין מער קיין יִדן נישט געבראַכט, דאַקעגן־זשע האָט מען אומגעבראַכט די פאַרבליבענע. 38)

עפּעס מער ווייסט וועגן דעם טרעבלינקער אויפשטאַנד (פון צווייטן אויגוסט 1943) צו דערציילן דער צווייטער עדות באָראָווי:

„עס איז געווען אפשר צוויי צי דרײַ אַ זייגער (בײַ טאָג — ב. מ.). צו ערשט האָט מען געהערט שאָסן. לכתחילה זענען דאָס געווען ביקסנשאָסן, דערנאָך האָט מען געהערט אויפרײַסן פון גראַנאַטן און צום סוף האָבן זיך שוין גענומען שיטן שאָסן זייער געדיכט, און עס האָט זיך באַוויזן אַ פײַער. אַזוי ווי דער פּלויט איז געווען אַרומגערינגלט מיט טרוקענע סאָסנעהאָלץ און דאָרטן איז געווען אַ בענזינסקלאַד, האָט אַלץ גענומען ברענען און אויך די באַראַקן. דער לאַגער־קאָמענדאַנט פראַנץ האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין. די אויפשטענדלער האָבן געמאַכט דרײַ לעכער און זענען אַרויס. נאָכן פאַרברענען דעם לאַגער האָט מען שוין אַהער נישט געשיקט קיין טראַנספּאָרטן, זיי זענען שוין געגאַנגען קיין מאַידאַנעק". 39)

א שטאַרקן אײַנדרוק האָט אויפן געריכט געמאַכט דער אַרויסטריט פון דעם גרײַז־גראָען וועטעראַן פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג און דעם אָנפירער פון דער הילפסאַקציע פאַרן קעמפנדיקן געטאָ, פראַנטשישעק לענטשיצקי. דער דאָזיקער עדות האָט זיך טאַקע דירעקט נישט אָנגעטראָפן נישט מיטן באַשולדיקטן סטראָאָפּ און נישט מיטן באַשולדיקטן קאָנראַד, אָבער זײַן טעטיקייט אין דעם צײַטאָפּשניט אַפּריל־מײַ 1943 און שפּעטער איז געווען געבונדן מיט די געשעענישן אין געטאָ און בפרט מיט אַרויסראַטעווען די קרבנות פון די ציין פון דעם היטלעריסטישן וואָלף. דער אַרויסטריט פונעם עדות לענטשיצקי האָט געהאַט נישט בלויז אַ מאָראַלישן באַטײַט, נאָר ער האָט אויך בײַגעשטײַערט אַ ריי נײַע פאַקטן צו דער אויפשטאַנד־געשיכטע און צו די קעגנזײַטיקע באַציִונגען פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין דער גוואַרדיאַ לודאָוואַ. אַ ריי פעסטשטעלונגען פונעם עדות זענען אַזוי ווײַט אויטאָריטאַטיוו, אַז זיי דאַרפן אַרײַנגיין אין דער דאָקומענטאַציע פון דער אויפשטאַנד־געשיכטע. דער עדות פראַנטשישעק לענטשיצקי האָט — נאָכן געבן אַ בילד פון שאָטן און ליכט פון די ייִדיש־פּוילישע באַציִונגען אין די אַמאָליקע צײַטן — דערקלערט אָט וואָס: 40)

„יעדעס פּפּ"ריש הויז, יעדעס גוואַרדייִיש הויז איז געווען אַן אַזיל פאַר יִדן און פאַר סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע. אונדזער פּאַרטיי פּפּ"ר האָט געדונגען העכער צען הײַזער אין דער געגנט הינטער וואַרשע, וווּ מיר האָבן איינגעאָרדנט די צום מערסטן ווערטפולע יחידים, וועלכע מיר האָבן אַרויסגעצויגן פון געטאָ. מיר האָבן דאָ אויך באַהאַלטן די ייִדישע יוגנט, וואָס איז געווען פעיִק צום קאַמף. צווישן די געראַטעוועטע זענען חוץ אַרבעטער געווען אויך מענטשן פון פרײַע פּראָפעסיעס. די דאָקטוירים זענען געגאַנגען צו דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג, כדי צו קעמפן אין די רייען פון גוואַרדיאַ לודאָוואַ קעגן דעם אָקופּאַנט.

„עס איז אַ באַוווּסטע זאַך, אַז פאַר אויסבאַהאַלטן אַ ייִד האָט געדראָט דער טויט און אַז נישט זעלטן זענען אומגעקומען צוליב דעם גאַנצע משפּחות. אין די דערפער האָט מען געמאָרדעט פאַמיליעס און געברענט, חרוב געמאַכט דאָס גאַנצע האָב און גוטס. אין וואַרשע און אין אַ ריי גרעסערע שטעט האָבן מיר געהאַט זייער צאָלרײַכע קרבנות אין שײַכות מיטן אויסבאַהאַלטן יִדן. מען האָט געראַטעוועט אַ סך קינדער".

איבערגייענדיק צום געטאָ־אויפשטאַנד, דערקלערט דער עדות:

„ווי אַ סאָלדאַט פון גוואַרדיאַ לודאָוואַ האָב איך באַקומען די אויפגאַבע צו העלפן דעם געטאָ אין דער אָרגאַניזירונג פון באַוואָפנטן אויפשטאַנד. מײַן אויפגאַבע איז געווען אײַנצוהאַלטן אַן ענגן קאָנטאַקט אין געטאָ אין דער ערשטער ריי מיט די פאָרשטייער פון מײַן פּאַרטיי פּפּ"ר, וועלכע האָבן געשאַפן אַ באַזונדערן ראַיאָן, אַ ק"ד (קאָמיטעט דזשעלניצאָווי, ראַיאָן־קאָמיטעט — ב. מ.). איך האָב אויך געדאַרפט ברענגען הילף, צושטעלן געווער, אַמוניציע, שפּײַז פאַר דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

„דעם קאַמף האָבן אויפגענומען אין אַן אַנטשפּרעכנדיקן מאָמענט די ייִדישע אַרבעטער, די ייִדישע יוגנט. דאָס איז געווען זייער אַ קאַמפּסלוסטיקער עלעמענט.

---

36) דאָרטן, צווייטער טאָג, זײַטן 104—106 און 107—110.

37) ג"ע פון שמואל ווילענבערג, ארכי ייִדי היסטי אינסטי פּראָטי נומי 4010.

38) ווי געזאָגט אין הערה 29, איז דער עדות אין אַ טעות. מען האָט געבראַכט קיין טרעבלינקע טראַנספּאָרטן אויך נאָכן 2טן אויגוסט 1943.

39) זע די פריִערדיקע העדה.

40) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, צווייטער טאָג, זײַטן 85—90.

„איך וויל דאָ זאָגן וועגן איין מאָמענט, וועלכער האָט זײַן העלדישן אויסקלאַנג. קיינעם פון אונדזערע חברים אויף דער „אַרישער" זײַט און אויך נישט אונדזערע חברים אין געטאָ איז נישט געקומען אויפן געדאַנק צו פאַרלאָזן דאָס געטאָ, הגם מיר האָבן געקאָנט אונדזערע חברים, כאָטש אין אַ באַשיידענער מאָס, העלפן. אָבער דער געדאַנק איז אַפילו נישט אַנטשטאַנען, ווײַל דאָרטן, ווּ עס לײַדט און עס קומט אום דאָס גאַנצע פּאָלק, מוזן בלײַבן אויך אונדזערע חברים, פּוילישע צי ייִדישע רעוואָלוציאָנערן, בלײַבן צוזאַמען מיט זייער פּאָלק. פון אונדזערע חברים אין געטאָ, וועלכע האָבן געהערט צו דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, איז כמעט קיינער נישט געבליבן לעבן.

„איך וויל נאָך אויך זאָגן, אַז אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון פּפּ"ר איז אַנטשטאַנען דער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט, וועלכער האָט פאַראייניקט אין זיך אַלע פּראָגרעסיווע ייִדן אָן אונטערשיד פון זייערע פּאָליטישע איבערצײַגונגען. מען דאַרף אָנערקענען, אַז אויך אומפּאַרטייִשע, בונדישע און ציוניסטישע יוגנט, האָבן געקעמפט העלדיש ביזן סוף אָרעם־בײַ־אָרעם מיט אונדזערע חברים פון פּפּ"ר.

„אונדזער קאַמפּסהילף הינטער די מויערן פון געטאָ האָבן מיר אָנגערופן — באַוואָפנטע מאַניפעסטאַציע, ווײַל מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט פאַרמאָגט קיין גענוגנדיקע כוחות, כדי צו דעצידירן וועגן זיג.

„מיר האָבן ליקווידירט עטלעכע היטלעריסטישע פּאָסטנס אויף דער „אַרישער" זײַט. אויפן צווייטן טאָג האָבן די דײַטשע פּאָסטנס געמוזט זיך אָפּטראָגן".

אַזוי אַרום האָט אַזאַ אויטאָריטאַטיווער עדות ווי פראַנטשישעק לענטשיצקי באַשטעטיקט די טעזע וועגן דעם, אַז די ייִדישע מיטגלידער פון פּפּ"ר, וועלכע זענען געווען אין געטאָ, האָבן נישט געטראַכט וועגן פאַרלאָזן דעם דאָזיקן פּלאַצדאַרם — ווי עס ווילן עס אײַנרעדן געוויסע מחברים — און זענען געבליבן קעמפן ביזן סוף מיט זייער פּאָלק. לענטשיצקי באַשטעטיקט אויך, אַז דאָס איז געווען די אײַנשטעלונג פון דער פּאַרטיי ווי אַזעלכע. ער שטרײַכט אויך אונטער די איניציאַטיוו־ראָלע פון פּפּ"ר בײַם שאַפן דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק, ד"ה — די ערשטע פאָרמען פון נאַציאָנאַלן קאָמפּספראָנט פון די ייִדן אין געטאָ.

אַ דערגאַנצונג צו פראַנטשישעק לענטשיצקיס עדות־זאָגן איז געווען דער אַרויסטריט פון אַ צווייטן עדות וולאַדיסלאַוו לעגעץ. אויך לעגעץ איז אַן אַלטער פּוילישער פּראָלעטאַרישער אַקטיוויסט, הגם אַ ביסל ייִנגער פון לענטשיצקין. מיטן נאָמען פון וולאַדיסלאַוו לעגעץ און פון זײַן פרוי סטאַניסלאַוואַ איז פאַרבונדן איינער פון די וויכטיקסטע קאַפּיטלען פון דער טעטיקייט פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. די לעגעצעס, ווי אַקטיווע מיטגלידער פון פּפּ"ר און פון גוואַרדיאַ לודאָוואַ, האָבן געשטעלט זייער דירה אויף שטשיגלע־גאַס נומער 3 אין רשות פון די פאַרבינדלער און שליחים פון דער ייִדישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון געטאָ. דאָ האָבן זיי זיך געטראָפן מיט די פאָרשטייער פון דער פּוילישער אַנטיפאַשיסטיש־פּאַטריאָטישער אונטערערד.

דער עדות לעגעץ גיט צו אַ ריי וויכטיקע נײַע פּרטים פון זײַן טעטיקייט־נעבויט 41).

קודם־כל — וואָס שײַך דער געטאָ־אויפשטאַנדצײַט גופא: ווען עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד — דערציילט לעגעץ —

„האָבן מיר אָפּגעגעבן פאַר די אויפשטענדלער כמעט דאָס גאַנצע געווער, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט פאַרמאָגט אין וואַרשע, און מיר האָבן באַפוילן אונדזערע חברים אײַנצוקויפן פאַרן געטאָ געווער ווּ נאָר עס לאָזט זיך. דער חבר „בראָדאַ" (לענטשיצקיס פּסעוודאָנים — ב. מ.) האָט געהאַט אַ ספּעציעלע גרופּע חברים, וועלכע האָבן איבערגעטראָגן דאָס געווער דורך דעם געביט פון פּאָוואָנזעק אין געטאָ אַרײַן, דער עיקר בײַ נאַכט. „בראָדאַ" איז געווען אַ מיטגליד פון ראַיאָן־קאָמיטעט פון פּפּ"ר אין פּאָוואָנזעק. לכתחילה האָט מען דאָס געווער אַריבערגעוואָרפן דורכן מויער, אָבער דאָס איז געווען באַשווערט. האָט מען אויסגענוצט דעם פּאָוואָנזקער געביט. איבערגעשיקט האָבן מיר גראַנאַטן און קורץ געווער. זייער אַקטיוו איז אויפן געביט פון אײַנקויפן און אַריבערוואַרפן געווער געווען די חברטע קרענגלעווסקאַ, פּסעוודאָנים „יאַסנאַ". זי האָט געקענט דײַטש און זיך אַן עצה געגעבן בײַם אײַנשאַפן געווער. איין מאָל האָט זי פאַר אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט באַקומען קורץ געווער און אַ רעוואָלווער".

פון די ייִדישע אויפשטענדלער געדענקט לעגעץ דעם יונגן יעזשי זאָלאָטאָוו, אַ פּפּ"ר־חבר, וועלכער איז אומגעקומען אויפן באַנק־פּלאַץ, אַ דערהרגעטער דורכן שונא. ער געדענקט אויך אַ ריי פאַרבינדלער פון זשאָב, וועלכע פלעגן קומען אויף שטשיגלע.

אַ וויכטיקן פּרט ברענגט לעגעץ אין שײַכות מיט די אַקציעס פון פּוילישע פּאַטריאָטן פון אויסן. חוץ דעם באַקאַנטן פאַקט פון אַטאַקירן די היטלעריסטישע באַטעריע אויפן קראַשינסקי־פּלאַץ, גיט ער איבער וועגן אַן ענלעכן אָנגריף פון דער צפון־זײַט.

„דער צווייטער אָנגריף — דערקלערט ער — איז געווען פון דער צפון־זײַט, אַנטקעגן דעם שפּיטאָל פון הייליקן יאַן. דאָ איז געשטאַנען אַ נעסט פון מאַשין־געווער, וועלכע האָבן באַשאָסן יעדן איינעם, וואָס האָט זיך נאָר באַוויזן אויף די דעכער און אין די פענצטער און אויך די, וואָס זענען געשפּרונגען. דאָ האָט אַ פּוילישע גרופּע אויך באַוואָרפן מיט גראַנאַטן די באַדינונג פון אָט די מאַשין־געווערן. עס איז דאָ אַרויסגעטרעטן אַ גרופּע פון זעקס אונדזערע מענטשן".

וועגן אָט דעם אַרויסטריט האָבן מיר ידיעות אויך פון אַנדערע קוואַלן. עס איז נאָך אַ פראַגע אויסצופאָרשן, צי אויף דעם אָפּשניט איז געווען איין קאַמף־אַרויסטריט, אָדער צוויי.

דער עדות לעגעץ וואַרפט צו אַ פּאָר נײַע פּרטים וועגן דער שלאַכט אויף מיאָדאָווע, ווּ עס האָבן זיך אין אַ הויז געפונען עטלעכע קעמפער, וועלכע זענען אַרויס פון געטאָ.

„עס זענען דאַכט זיך — דערציילט ער — אומגעקומען זיבן מענטשן אויף מיאָדאָווע אין אַ קעלער. זיי זענען אַהער געקומען פון געטאָ דורך אַ קאַנאַל. זיי האָבן געוואַרט ביז עס וועט ווערן טונקל און זיי וועלן קאָנען זיך אַריבערכאַפּן אויף שטשיגלע 3, ווּ זיי וואָלטן באַקומען קאָנטאַקטן. זיי זענען אָבער אויסגעגעבן געוואָרן. עס האָט זיך פאַרקניפּט אַ שלאַכט, און זיי זענען געפאַלן אין קאַמף".

דאָס דריטע וויכטיקע בינטל פאַקטן, וועלכע עס ברענגט אַרויס דער עדות לעגעץ, איז נוגע דעם פּאַרטיזאַנישן קאַמף פון די ייִדישע אויפשטענדלער נאָך דעם, ווי זיי זענען אַרויסגעפירט געוואָרן

---

41) אָריגינאַל פונעם סטענאָגראַם פון פּראָצעס, דריטער טאָג, זײַטן 39—46.

דורך דער גוואַרדיאַ לודאָוואַ פון געטאָ און פון וואַרשע בכלל, אין וואַלד. אויך מיט דעם אָפּשניט איז געווען פאַרבונדן די טעטיקייט פונעם עדות. אָט וואָס ער גיט איבער וועגן דעם:

„אין וואַלד אין לאָמיאַנקי זענען די זשאָבאָווצעס געווען 10 טעג. דער חודש מײַ איז געווען אַ קאַלטער, און מיר האָבן זיי געבראַכט קאָצן. עס האָבן זיך דעמאָלט גראָד אין לאָמיאַנקי, בײַם ברעג פון וואַלד, אָנגעהויבן מאַסן־עקזעקוציעס. די ייִדן זענען אַוועק טיפער אין וואַלד. מיטן אַריבערפירן זיי האָבן זיך פאַרנומען דער פּאָלקאָווניק סענק־מאַלעצקי און גאַיִק (קשאַטשעק — ב. מ.), וועלכער איז שפּעטער דערשאָסן געוואָרן דורך די היטלעריסטן. גאַיִק האָט זיי אײַנגעאָרדנט אין דער ראַדזימינער געגנט אין די וועלדער און האָט צו אונדז געשיקט אַ דעפּעשע, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג. דאָס איז געווען אַ היסטאָרישער דאָקומענט, און ער האָט זיך געפונען בײַ אַ שומר, וואָס איז שפּעטער אומגעקומען אויף ראָנדאָ וואַשינגטאָנאַ 42).

„די ייִדישע קעמפער האָבן אין וואַלד אָפּגעהאַלטן אַ ריי שלאַכטן מיטן שונא. איין מיידל פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, איבערגעטאָן פאַר אַ פּויערטע, האָט געפירט פאַר זיי אין וואַלד אַרײַן עסן און אינפאָרמאַציעס. זי איז דאָרטן געווען, אויפן צוריקוועגס איז זי אַרײַנגעפאַלן, און מען האָט זי פאַרשיקט אין אַ לאַגער. עס איז איר געלונגען אַנטלויפן פון דאָרטן, זי איז אָנגעקומען אויף שטשיגלע און דערציילט וועגן דער העלדישקייט פון די ייִדישע קעמפער. איינער פון אונדזערע העלדישסטע ייִדישע חברים איז בעת אַ שלאַכט אין וואַלד שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן און איז אָפּגעלעגן דרײַ טעג מיט אַ דורכגעשאָסענעם בויך. אין קאַמף אין וואַלד איז אויך געפאַלן נאָך אַ העלדישן ווידערשטאַנד אונדזערס אַ חברטע, אַ געוועזענע סטודענטקע פון דער העכערער שול פון דאָרפווירטשאַפט. איר פאָטער איז געווען אַ רב".

אַזוי האָט לעגעצעס עדות־זאָגן געבראַכט אַ ריי נײַע וויכטיקע פּרטים פאַר אונדזער געטאָ־אויפשטאַנד־פאָרשונג, אונטערשטרײַכנדיק אַז די פּפּ"ר איז געווען דער איינציקער כוח, וואָס האָט געהאָלפן די ייִדן אין דער צײַט און נאָכן אויפשטאַנד.

אין סך־הכל קאָן מען זאָגן, אַז דער עדות־פאַרהער פאַרן געריכט 43) האָט נישט בלויז באַקרעפטיקט און בײַגעשטײַערט צום באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די צוויי געמשפּטע קריגס־פאַרברעכער, נאָר אויך באַרײַכערט אונדזערע ידיעות וועגן די טראַגישע און העראָיִשע געשעענישן אין וואַרשעווער געטאָ אין אַפּריל־מײַ 1943.

דורך די באַזונדערע פּרטים, וועלכע עס האָבן אַרויסגעבראַכט די באַשולדיקטע, די עדות, די עקספּערטן און די בײַגעלייגטע דאָקומענטן, איז אויסגעוואָקסן פאַר די אויגן פונעם געריכט אַ בילד פון דער גרויסקייט פון דעם העלדישן אַקט, וואָס רופט זיך אָן — אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, וועלכן דער פּראָקוראָר לעאָן פּענער האָט אין זײַן באַשולדיקונגס־רעדע באַצייכנט ווי „אַ פראָנט, וואָס האָט געשאַפן אַן אָפּשניט פון גרויסן זיגרײַכן סטאַלינגראַדישן פראָנט".

עס איז אויך אַרויסגעקומען דאָס גרויליקע בילד פון דער שוידערלעכער קאַטאַסטראָפע פון וואַרשעווער און פּוילישן ייִדנטום בכלל. עס זענען אויך אויפגעדעקט געוואָרן די פאַרבאָרגענע סאָציאַלע שפּרינגפעדערן פון דער קאַטאַסטראָפע פון ייִדישן פאָלק. „וואָס מער מען האָט ייִדן געמאָרדעט, אָדער פאַרשיקט אין די קאָנצלאַגערן — האָט געזאָגט אין זײַן רעדע דער פּראָקוראָר יאַן רוסעק — אַלץ מער איז געוואַקסן דאָס רײַכטום פון די פרײַסישע און רורישע פינאַנץ־מאַגנאַטן".

עס איז אַרויסגעקומען דאָס אמתע חיהשע פּנים פונעם פאַשיזם. כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם איז געווען די דערקלערונג פון יורגען סטראָאָפּ, אַז אויפן אָרט פון אַ לעבעדיקן שטאָטראַיאָן האָט געדאַרפט, נאָכן ליקווידירן די ייִדן, אַנטשטיין אַ גראָזפּלאַץ. אויסהרגענען הונדערטער טויזנטער מענטשן, כדי צו שאַפן אַ גרויסן גאָרטן, אָדער גראָזפּלאַץ — אָט איז אַ בולטער אויסדרוק פון מענטשן־פײַנדלעכן חיהשן פּרצוף פונעם פאַשיזם. קעגן דעם, קעגן פאַשיזם, האָבן געקעמפט די העלדישע אויפשטענדלער פון וואַרשעווער געטאָ.

פּראָקוראָר רוסעק האָט זײַן רעדע פאַרענדיקט מיט אַ הימן פאַרן ייִדישן אויפשטאַנד: „אָפּגעשווינדלט, דערדריקט, פאַרפּײַניקט האָבן זיי (די ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ — ב. מ.) פאַרשטאַנען, אַז עס זענען נישט פאַראַן אין דער היטלעריסטישער סיסטעם קיין גוטע און שלעכטע עס־עס־לײַט, זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אומקומענדיק אין קאַמף, שאַפן זיי געשיכטע, וועלכע וועט איבערדויערן דורות".

---

42) דער שומר, וועגן וועלכן עס רעדט לעגעץ, זאָל זײַן טוביה שיינגוט („טאַדעק"), וועלכער איז טאַקע אומגעקומען אויף וואַשינגטאָן־גאַס 80 אין דער וווינונג פון פּוילישן פּראָפעסאָר טאַדעוש פּאָקראָפּעק (פאַרגלײַך בײַ מ. נײַשטאַט „חורבן און אומקום פון די ייִדן אין וואַרשע", זײַט 556). וועגן דעם אָבער, אַז בײַ אים זאָל זיך געפינען די דעפּעשע, גיט איבער צום ערשטן מאָל לעגעץ. פאַרגלײַך אויך: ר. גערבער: „די פּוילישע דעמאָקראַטיע און דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", „בלעטער פאַר געשיכטע", ב׳ 1, ה׳ 2, ז׳ 65.

43) מיר שטעלן זיך דאָ נישט אָפּ אויף די עדות־זאָגן פון אַנדערע עדות אויפן פּראָצעס, ווײַל זיי האָבן נישט קיין וועזנטלעכן באַטײַט פאַר אונדזער טעמע.

י. פריידקעס (בוענאָס־אײַרעס)

דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און אונדזער יישוב

דאָס יאָר 1943 איז געווען אַ יאָר פון גרויסע האָפענונגען פאַר דער מענטשהייט. נאָך די צעשמעטערנדיקע קלעפּ וואָס די היטלעריסטישע חיילות האָבן געכאַפּט בײַ סטאַלינגראַד, איז אין דער גאַנצער וועלט געוואַקסן דער גלויבן אין דער ענדגילטיקער מפּלה פונעם נאַציזם. יעדן טאָג האָט מען מיט אומגעדולד אויסגעקוקט אויף דער עפענונג פון צווייטן פראָנט, וואָס האָט געדאַרפט ברענגען די שנעלע באַפרײַונג פון די אונטעריאָכטע פעלקער און במילא אויך אַ ישועה פאַר די הונדערטער טויזנטער ייִדן, פאַרשפּאַרטע אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אָבער, אָט אין דעם גורלדיקן מאָמענט פאַר דער מענטשהייט האָט זיך דערטראָגן צו אונדז, דעם 23טן אַפּריל 1943, אַ שוידערלעכע טעלעגראַמע פון לאָנדאָן, וועלכע האָט רעטראַנסמיטירט אַ ידיעה פון שטאָקהאָלם, ווי עס איז אויפגעכאַפּט געוואָרן דער ווײַטערדיקער הילפס־רוף פון אַ פּוילישער געהיימער ראַדיאָ־סטאַנציע: „סיזענען פאַרמשפּט צום טויט די לעצטע 35.000 ייִדן פון וואַרשעווער געטאָ און עס האַלט אָן אַ ביקסן־שיסערײַ אויף די אומגליקלעכע. זיי ווערן אויסגעמאָרדעט אָן שום רחמנות, פרויען און קינדער שטעלן אַ ווידערשטאַנד מיט בלויזע הענט, העלפט אונדז!...” און בײַ די ווערטער איז די ראַדיאָ־טראַנסמיסיע פון פּוילן איבערגעריסן געוואָרן. דעם זעלבן טאָג — אין וועלכן די צײַטונגען האָבן געמאָלדן וועגן אַ גרויסער מפּלה פון די דײַטשן אין קובאַן — איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ צווייטע קורצע טעלעגראַמע פון פּוילישע סאָציאַליסטן, געווענדט צו אַטלין, וועגן דער גרויזאַמער באַהאַנדלונג פון דער פּוילישער באַפעלקערונג דורך די נאַצישע אָקופּאַנטן און וועגן דער אויסראָטונג פון אַנדערטהאַלבן מיליאָן פּוילישע ייִדן. די טעלעגראַמע האָט געפאָדערט באַלדיקע סאַנקציעס און רעפּרעסיעס. מיט 2—3 טעג שפּעטער איז געקומען נאָך אַ טעלעגראַמע.

אַ צו קאַרגע אינפאָרמאַציע איז דאָס געווען אויף זיך צו קענען פאָרשטעלן דעם גרויסן געראַנגל און דעם העראָיִשן קאַמף, וואָס האָט זיך אין יענע טעג אָפּגעשפּילט אין וואַרשעווער געטאָ. אַזוי קאַרג, אַז קיין איינע פון די דרײַ היגע ייִדישע צײַטונגען האָט די דאָזיקע ידיעות נישט געשענקט מער ווי אַ צווייקאָלומדיק קעפּל.

טראָץ דעם קען מען נישט זאָגן, אַז די קאַרגע ידיעה האָט נישט געמאַכט קיין רושם. פאַרקערט, ווי עס איז זיך פאָרצושטעלן, האָט די נײַס אויפגעשוידערט יעדן איינעם וואָס האָט נאָר געהאַט אַ מענטשלעך געפיל. בפרט האָט זיך אײַנגעשניטן טיף אין האַרצן דער גרויזאַמער געדאַנק אַז עס איז ליקווידירט געוואָרן דער גרעסטער ייִדישער ייִשוב אין אייראָפּע. ווי אַזוי האָט מען אויף איר רעאַגירט? דאָס שפּיגלט זיך צום בולטסטן אָפּ אין די לייט־אַרטיקלען, וועלכע זענען צוזאַמען מיט דער טרויעריקער ידיעה דערשינען. „די אידישע צײַטונג” האָט דעם 23טן אַפּריל געשריבן אונטערן קעפּל „די לעצטע”: „... בכן נאָך נישט די לעצטע. נאָך די לעצטע ייִדן פון וואַרשע וועט קומען דער „נעקסט" אויף די לעצטע ייִדן פון די קליינע שטעטלעך. די נאַצישע מענטשן־שעכטהײַזער האָבן נאָך אַרבעט אויף אַ געוויסער צײַט ...” דאָס איז געווען אַלץ וואָס „די אידישע צײַטונג” האָט אין יענעם טאָג געשריבן. „די פּרעסע” האָט אין איר לייט־אַרטיקל אונטערן קעפּל „ראַטעוועט” געזאָגט: „דאָס ייִדישע פאָלק האָט אָנגעטרויט זײַן גורל און דאָס לעבן פון זײַנע קינדער אין די הענט פון דער אַלײִרטער דעמאָקראַטיע" און דעריבער האָט זי געפאָדערט פון די אַלײִרטע באַלדיקע רעפּרעסאַליעס אויף די נאַציס און צו ראַטעווען ייִדישע קרבנות (גראָד אין יענעם מאָמענט איז געווען פאַרזאַמלט די פּליטים־קאָנפערענץ אין בערמודן). „די פאָלקס־שטימע” האָט דעם 24טן אַפּריל געשריבן אונטערן קעפּל „מיר ווילן זיי ראַטעווען”: „עס איז פאַראַן נאָר איין אויסוועג ... — העלפן צו פאַרניכטן און אויסוואָרצלען די באַרבאַרן” אין דעם זעלבן נומער לייענען מיר גלייך, אויף אַן אַנדער זײַט, אַ רוף פון אַ פאָלקספרוי וואָס איז אַקטיוו אין דער הילפס־באַוועגונג, אין וועלכן זי פאַרלאַנגט „נישט פאַרזאַמען מיט דער ממשותדיקער הילף פאַר די פעלקער וואָס שלאָגן און ווילן דערשלאָגן דעם נאַציפאַשיזם” און אין דער רובריק „גוט מאָרגן” שרײַבט א. מאָרגנשטערן: „לאָמיר קרעפטיקן די הענט וואָס שלאָגן דעם שונא; אונטעריאָגן דעם זיג פון די אַלײִרטע כוחות”.

ווי האָבן רעאַגירט די פאַרשידענע קרײַזן פון דער ייִדישער געזעלשאַפט?

דעם 24טן אַפּריל ווערט געמאָלדן, אַז דער „צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע” האָט אונטערגענומען שריט אין שייכות מיט די לעצטע ידיעות פון וואַרשעווער געטאָ, און ער האָט באַשלאָסן זיך צו ווענדן צום אינטערנאַציאָנאַלן רויטן־קרייץ, ער זאָל אינטערווענירן וועגן אָפּשטעלן די אויסראָטונגען; שיקן אַ טעלעגראַמע צו די פּליטים־קאָנפערענץ אין בערמודן און צום פּוילישן פּרעמיער אין לאָנדאָן, גענ׳ שיקאָרסקי. אין זעלבן גייסט ווערן אויך אָפּגעשיקט טעלעגראַמעס פון דער „דאַיאַ”. אַ טאָג פריִער ווערן פאַרעפנטלעכט דורך דעם היגן ביוראָ פונעם „ייִדישן וועלט־קאָנגרעס” אויסצוגן פון בריוו פון דער צענטראַלע און אין זיי איז קאָנקרעטיזירט דער טעטיקייט־פּראָגראַם פון „ייִדישן וועלט־קאָנגרעס”, וואָס באַשטייט: 1) אין „אַרויסנעמען פון גיהנום אַזוי פיל ייִדן, וויפל נאָר עס לאָזט זיך דורך דער אָנווענדונג פון אַלע

נאָר מעגלעכע מעטאָדן; 2) באַקומען די מעגלעכקייט אַרײַנצופירן שפּײַז אין די אָקופּירטע לענדער . . ."

אויסער אָפּשיקן די פריִער דערמאָנטע טעלעגראַמעס, באַשליסט דעם 9טן מײַ די „דאַיאַ", אויף אַ ספּעציעלער דעלעגאַטן־פאַרזאַמלונג, דורכצופירן „אַ גרויסן רעליגיעזן אַקט, מיטן אָנטייל פון אָרטיקע רבנים און פאָרשטייערס פון דער קאַטוילישער און פּראָטעסטאַנטישער קירך". אויף דער פאַרזאַמלונג ליגט פאָר דער ה' מ. טאָוו אָנצונעמען מיטלען קעגן ייִדן וואָס האַנדלען מיט נאַצי־פירמעס, אָבער די באַהאַנדלונג פון דער פראַגע ווערט אָפּגעלייגט פאַר אַ ספּעציעלער פאַרזאַמלונג ...ווען דער באַשלוס אײַנצואָרדענען אַן אַקט ווערט באַקאַנט אין דער עפנטלעכקייט, ווענדט זיך די „פאָלקס־אָרגאַניזאַציע קעגן אַנטיסעמיטיזם" צו דער „דאַיאַ" מיט אַ פאָרשלאַג אויסצוברייטערן דעם כאַראַקטער פון דעם אַקט, אָבער די ווענדונג בלייבט אָן אַן ענטפער. נאָך מער, דער רעליגיעזער אַקט ווערט בכלל אָפּגעלייגט און עס ווערט פּראָקלאַמירט אַן „אָנדענק־מאָנאַט". דער „צ"ק פאַר הילף די ייִדישע מלחמה־קרבנות און פליטים" רופט צו הזכרת־נשמות און בײַשטייערונגען פאַר דער רעטונגס־אַקציע.

דער „צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן אין אַרגענטינע" אָרדענט יאָ אײַן אַן הזכרה־אַקט מיט אייניקע רעדנערס, אָבער מ'רעדט נישט וועגן דעם וואָס מען קען און מען דאַרף טאָן צו מאַכן אַ סוף צו די נאַצישע מערדערײַען, נאָר מען גרייפט אָן דעם ראַטן־פאַרבאַנד און מען איגנאָרירט בכלל דעם קאַמף פון די אַלײִרטע, וואָס רופט אַרויס שאַרפע פּראָטעסטן פון עולם.

די פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס קענען ליידער נישט צוליב די דעמאָלט הערשנדיקע באַדינגונגען, דורכפירן קיין אַקטן אויף זייער חשבון. דעריבער מוזן זיי זיך באַנוגענען מיטן פירן אַן אויפקלערערישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע אַרבעט, וואָס דריקט זיך אויס פונדאַמענטאַל אין דער הילף פאַר די אַלײִרטע כוחות. די קאָנקרעטע אויפגאַבעס, ווערן קלאָר דעפינירט דעם 25טן אַפּריל אין אַ לייטאַרטיקל פון „די פאָלקס־שטימע", ווו די פּראָבלעם ווערט אַזוי אַוועקגעשטעלט: 1) מאָביליזירן די עפנטלעכע מיינונג פאַר עפענען דעם צווייטן פראָנט, וואָס וועט פאַרשנעלערן דאָס ראַטעווען די לעבן געבליבענע ייִדן; 2) פאַרפילפאַכן די הילף פאַר די אַלײִרטע פעלקער און פאַרלאַנגען באַלדיקע רעפּרעסיעס קעגן די נאַציס, וואָס שייך דער „רעטונגס־אַקציע", די האָפענונגען אויף דער אינטערווענץ פון אינטערנאַציאָנאַלן רויטן־קרייץ אא"וו, זאָגט זיך אין זעלבן אַרטיקל „הילף פאַר די קרבנות, ווענדונגען צום אינטערנאַציאָנאַלן רויטן־קרייץ און וואַטיקאַן אא"וו, קענען, אין בעסטן פאַל, זײַן אַ צוגאָבטייל, כאָטש מיר ווייסן אַז מיט אַ גאַנץ דיסקוטירבאַרן רעזולטאַט".

די מאָביליזאַציע־רופן זענען נישט געווען קיין ווערטער געוואָרפן אויפן ווינט. אין יענע טעג האָבן די ייִדישע מאַסן, צוזאַמען מיט דער גאַנצער אַרגענטינער דעמאָקראַטישער באַוועגונג, געאַרבעט אַקטיוו אויף אָפּצושיקן דעם 5טן טראַנספּאָרט פון קליידער און מעדיקאַמענטן פאַר די אַנטינאַצישע פראָנטקעמפערס אין ווערט פון אַ מיליאָן פּעזעס. צום באַדויערן האָט די דאָזיקע וווּנדערלעכע הילפסאַרבעט, וואָס איז מער ווי אַ סאָלידאַריטעט־באַוועגונג געווען אַ מאָביליזאַציע פון כוחות, געמוזט איבערגעריסן ווערן. דאָס מיינט נישט אַז די מאַסן האָבן מער נישט געלעבט מיט די געשעענישן אין אייראָפּע. יעדער נײַער קלאַפּ, יעדע נײַע מפּלה וואָס דער נאַציזם האָט געליטן, זענען געווען אַ נײַע דערמוטיקונג און אַ נײַער סטימול צום אייגענעם קאַמף. נײַע האָפענונגען און נײַער גלויבן האָבן אָנגעפילט אַלע דעמאָקראַטישע הערצער. צום בולטסטן איז דאָס געקומען צום אויסדרוק דורך דער ספּאָנטאַנער האַלבמיליאָניקער מאַניפעסטאַציע אין טאָג פון דער באַפרייונג פון פּאַריז, אויפן „פראַנקרײַך־פּלאַץ", („פּלאַסאַ פראַנסיאַ"), וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג, און בעת וועלכער עס זענען געהאַלטן געוואָרן רעדעס און עס זענען געווען אימפּראָוויזירטע נומערן פון געזאַנג און רעציטאַציעס ביז האַלבער נאַכט. פאַרשטייט זיך אַז אויך די ייִדישע מאַסן האָבן מיטגעלעבט מיט אַלע זייערע חושים אָט די גרויסע היסטאָרישע געשעעניש.

עס האָט נאָך פון דעסט וועגן געדויערט כמעט אַ גאַנץ יאָר ביז די אַרגענטינער באַפעלקערונג, און צווישן זיי אויך די ייִדישע, האָט געקענט אָנהייבן אָטעמען מיט דער נײַער אַטמאָספער וואָס דער זיג איבערן היטלעריזם האָט געבראַכט פאַר דער באַפרײַטער וועלט.

אונדזער סאָלידאַריטעט מיט די לעבן געבליבענע, אונדזער שטיצע פאַר די זיך אויפבויענדיקע יישובים

טרערן פון פרייד און טרערן פון אומענדלעכן צער און פאַרביטערונג האָט אונדז געבראַכט די מפּלה פונעם נאַציזם. ערשט איצט האָט מען זיך אָנגעהויבן באַקענען מיטן גאַנצן גרויל וואָס די נאַצישע ממשלה האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך פאַר די פעלקער פון אייראָפּע. באַזונדערס שוידערלעך האָט זיך פאָרגעשטעלט אונדזער ייִדישער „באַלאַנס". 6 מיליאָן איז אַ ציפער וואָס רעדט זיך נישט לײַכט אַרויס! פון דער גרויסער ייִדישער עדה אין פוילן איז כמעט קיין זכר נישט געבליבן, מיטן אויסנאַם פון דעם אַן ערך פערטל מיליאָן ייִדן וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט אין ראַטן־פאַרבאַנד און די קליינע גרופּעס פּאַרטיזאַנערס, די לעבן געבליבענע אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן און יחידים, וועלכע האָבן אויף פאַרשידענע אופנים אויסגעמיטן דעם טויט. אויך פון רומעניע, אונגאַרן, פראַנקרײַך, בעלגיע, האָלאַנד אא"וו זענען די ציפערן געווען אויפטרייסלענדיקע. צווישן די טויזנטער פאַרוויסטע יישובים האָבן דעם ערשטן פּלאַץ פאַרנומען די חרובע און מיט פײַער אויסגעברענטע שטעט און שטעטלעך מיט אַ גרויסער ייִדישער באַפעלקערונג. עס איז געווען שווער צו טראַכטן און צו באַגרײַפן דעם גרויסן חורבן, עס איז געווען שווער צו באַנעמען מיט די חושים, וואָס פאַראַ סך־הכל די היטלעריסטישע מערדערס האָבן געמאַכט פון דעם דרײַמיליאָניקן ייִדישן יישוב אין פוילן, די פאָרשטעלונגסקראַפט איז געווען צו קליין אויף זיך צו שאַפן אַ בילד וועגן דעם אויסזען פון דעם ייִדישן ראַיאָן אין וואַרשע, וועלכער איז אויסגעגלײַכט געוואָרן מיט דער ערד.

עס איז נישט שווער געווען אין אַזאַ מאָמענט אַרײַנצופאַלן אין פאַרצווייפלונג. און דאָך האָבן ייִדישע פאָלקסמענטשן אין אַרגענטינע, ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, געוווּסט ווי גובר צו זײַן די שוואַכקייט און נעמען דערפילן זייער חוב. און וואָס איז געווען אונדזער חוב אין יענעם מאָמענט, אויב נישט דאָס אויסשטרעקן אונדזער ברידערלעכע סאָלידאַרישע האַנט צו די געפּײַניקטע און מאַרטיריזירטע ברידער אונדזערע, וועלכע זענען ערשט אַרויס פון גיהנום צווישן דער ייִדישער מאַסע איז רײַף געוואָרן דער געדאַנק פאַר אַ געאייניקטער סאָלידאַרישער הילפסאַרבעט, אָן קיין שום פּאָליטישע ספּעקולאַציעס אָדער קליינלעכע אויסרעכענונגען, און צום כבוד פון די ייִדישע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַרגענטינע

דאַרף געזאָגט ווערן אַז אויף זיי פאַלט אויס אַ גרויסער חלק אין די אָפּגעהאַלטענע דערגרייכונגען.

עס איז אומבאַדינגט וויכטיק צו פאַרצייכענען, אַז שוין אין יאָר 1943, ווען עס הייבן זיך ערשט אָן צו ווײַזן די קאָנטורן פון דעם צוזאַמענבראָך פונעם נאַציזם, ווערט אַרויסגערוקט אויף די שפאַלטן פון „די פאָלקס־שטימע" דער געדאַנק וועגן גרייטן זיך און אָרגאַניזירן בכדי צו קענען בײַם ערשטן מעגלעכן מאָמענט לײַסטן די נויטיקע הילף צו די באַפרײַטע יישובים. דער דאָזיקער געדאַנק ווערט אַלץ רייפער און רייפער אין די לאַנדסלײַט־פאַראיינען, אין דער מאָס ווי דער זיג ווערט אַלץ נענטער, און עס הייבן אָן אויפקומען איניציאַטיוועס פאַרן שאַפן נײַע פאַראיינען פון לאַנדסמאַנשאַפטן וואָס זענען ביז דעמאָלט נישט געווען אָרגאַניזירט. דער ענין טראָגט אָבער נישט קיין ענגן לאָקאַליסטישן כאַראַקטער. אַלע פאַרשטייען, אַז די הילף דאַרף זײַן אַ קאָלעקטיווע און אַ ברייט־אָרגאַניזירטע. דאָ האָבן זיי זיך, פון דעסט וועגן, אָנגעטראָפן אויף דער פאַסיוויטעט פון געוויסע יידישע קרײַזן וואָס האָבן נישט אויפגענומען דעם רוף צו אַ דרינגענדיקער הילפסאַקציע. צוליב דעם קומט אויף די איניציאַטיוו בײַ אַ גרופּע לאַנדסלײַט־פאַראיינען — 12 אין דער צאָל — צו קאָאָרדינירן זייער אַקציע, בילדנדיק אַ „ראַט פון לאַנדסלײַט־פאַראיינען", פון וועלכן עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די „פעדעראַציע פון יידישע לאַנדסלײַט־פאַראיינען אין אַרגענטינע" מיט העכער 50 אָנגעשלאָסענע פאַראיינען. זייער מיזאַמע אַרבעט און די פאָליטישע אַקציע פון די דעמאָקראַטישע און פּראָגרעסיווע פאָלקס־אינסטיטוציעס, דערפירן דערצו, אַז עס זאָל זיך שאַפן — אויף דער באַזע פון אַן אייניקייט־פּראָגראַם — דער „פאַראייניקטער צענטראַל־קאָמיטעט צו הילף די יידישע מלחמה־קרבנות און פליטים", וואָס פירט אָן אין משך פון עטלעכע יאָר אַ גראַנדיעזע הילפסאַרבעט, כאָטש ווײַט נישט אין דער מאָס ווי דאָס וואָלט געקענט געטאָן ווערן, ווען אַלע אָן אויסנאַם לייגן צו אַ האַנט צו דער אַרבעט און ווען עס ווערט נישט טאָרמאָזירט די פאָלקס־איניציאַטיוו.

דאָך איז, ווי געזאָגט, אויפגעטאָן געוואָרן אַ גראַנדיעזע אַרבעט. די פאָלקס־אינסטיטוציעס האָבן נישט געוואַרט אויף קיין דירעקטיוון, נאָר מיט לײַב און לעבן זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דער הייליקער אַרבעט, וועלכער זיי האָבן באַלד פון אָנהייב געגעבן אַ קאָנסטרוקטיוון כאַראַקטער. זיי האָבן אויסגעצייכנט פאַרשטאַנען, אַז נישט וועגן פילאַנטראָפּישער הילף גייט דאָ, נאָר וועגן שאַפן אַ נײַע היים און נײַע אַרבעטס־מעגלעכקייטן פאַר די לעבן געבליבענע שארית הפליטה. פאַר זיי איז געווען קלאָר, אַז עס איז דרינגענדיק נייטיק אַנטקעגנצוקומען דעם „צענטראַל־קאָמיטעט פון די יידן אין פוילן" אין זײַן שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אויפגאַבע צו אָרגאַניזירן פון דאָס נײַ דאָס יידישע לעבן אין פוילן מיט די הונדערטער טויזנטער פון ראַטן־פאַרבאַנד צוריקגעקומענע פוילישע יידן. דערבײַ איז פאַר זיי נישט געווען פרעמד דער פאַקט, וואָס איצט שאַפן זיך נײַע באַדינגונגען פון אַ יידיש לעבן אין פוילן און אויך אין רומעניע אָדער אונגאַרן, צוליב דעם נײַ־אײַנגעשטעלטן פאָלקס־דעמאָקראַטישן רעזשים, וועלכער האָט פון ערשטן מאָמענט אָן גענומען אונטער זײַן שוץ די לעבן געבליבענע יידן און אַרויסגעוויזן צו זיי די מאַקסימאַלע זאָרג. אין פוילן האָט מען אַפילו געזען אויפקומען נײַע יידישע יישובים אין ביז איצט דורך יידן כמעט נישט־באַוווינטע געגנטן, ווי אין נידערשלעזיע, וואָס איז געוואָרן דער הויפּט־זאַמלפּונקט פאַר די צוריקגעקומענע.

דער לאָזונג פון די אַרגענטינער יידן איז געווען: לײַסטן קאָנסטרוקטיווער הילף דעם יידישן יישוב אין פוילן און אין אַנדערע ערטער. און די ווערטער זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ממשותדיקס, סײַ דורך די געלטשיקונגען, סײַ דורך די קאָנקרעטע פאָרמען וואָס די זאַמלונגען האָבן אָנגענומען, ווי אין פאַל פון די טעקסטיל־אַרבעטערס, וואָס האָבן אָפּגעשיקט פאַר דעם געזאַמלטן געלט 5 וועבמאַשינען פאַר אַ וועבער־קאָאָפּעראַטיוו אין פוילן. אויסער דעם האָט אונדזער יישוב גלײַך פאַרשטאַנען די נויטווענדיקייט אײַנצושטעלן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט די אָפּגעראַטעוועטע און זיך צוריקאויפבויענדיקע יידישע יישובים אין אייראָפּע. שוין אָנהייב 1947 פאָרט אַרויס פון דאַנען, אין שליחות פון דער דעמאָקראַטיקער פּראָגרעסיווער אויסגאַבע „דער וועג", איינער פון אירע רעדאַקטאָרן, יאָסל פריידקעס, וועלכער באַזוכט פראַנקרײַך, פוילן און ישראל.

מיט אַ יאָר שפּעטער פאָרט אַרויס אַ דעלעגאַציע, אָרגאַניזירט דורך דער פעדעראַציע פון יידישע לאַנדסלײַט־פאַראיינען אין אַרגענטינע, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך חיים אַפּעל און אי. הויכגעלערנטער פון דער „פעדעראַציע" און מ. שיינבוים פון וואַרשעווער לאַנדסלײַט־פאַראיין. די דעלעגאַציע באַזוכט פוילן און פראַנקרײַך און אין ביידע לענדער גיט זי איבער אונדזער וואַרעמען ברידערלעכן גרוס. אין וואַרשע באַטייליקט זי זיך אין דעם פײַערלעכן אַקט פון אויפדעקן דעם מאָנומענט פאַר די געטאָהעלדן, ווו זי לייגט אַוועק אַ קראַנץ בלומען אין נאָמען פון אַרגענטינער יידישן יישוב. די דעלעגאַטן האָבן געבראַכט צו אונדז אַש און ביינער פון אַשוויענטשים, וואָס איז באַערדיקט געוואָרן אין דעם אוהל וועלכן די קהילה האָט אויסגעבויט אויפן בית־עולם פון טאַבלאַדאַ לזכר פון די 6 מיליאָן אומגעקומענע היטלער־קרבנות. דאָס אָרט איז דורך דעם געהייליקט געוואָרן פאַר אונדזער גאַנצן יישוב און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ כסדרדיקן דערמאָנונגס־פּלאַץ פון די גרויזאַמקייטן פונעם נאַציזם. צו די וויכטיקע אויפטוען דאַרף אויך פאַררעכנט ווערן דאָס אַראָפּברענגען קיין אַרגענטינע די פאָרשטייערס פון צ"ק פון די יידן אין פוילן יוסף זאַק און רבקה וואָיסקאָווסקאַ, וואָס זייער באַזוך האָט פיל מיטגעהאָלפן צו דער הילפסאַקציע לטובת די יידן אין פוילן און אויך צו באַפעסטיקן די ברידערלעכע באַציִונג פון אונדזער יישוב צום פוילישן.

דאָך מוז דערמאָנט ווערן, אַז אַפילו אין דער צײַט ווען אין די פאָלקס־אינסטיטוציעס איז אָנגעגאַנגען מיטן גאַנצן ברען די הילפסאַרבעט, האָבן אַנדערע בלויז געזוכט מאָטיוון זי אונטערצוגראָבן און מיט דעם געבראַכט אַ באַדייטנדן שאָדן סײַ אונדזער אייניקייט דאָ און סײַ די יישובים אין די נײַע פאָלקס־דעמאָקראַטיעס.

די פאַרערונג פון העלדן און קדושים

אַ וויכטיקער מאָמענט אין שייכות מיטן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד איז די באַציִונג פון אונדזער יישוב צו דעם אָנדענק פון די מענטשן וואָס זענען אומגעקומען אין קאַמף קעגן נאַציזם.

געוויס האָבן נישט אַלע אויפן זעלבן אופן אויפגענומען און אָפּגעשאַצט די געשעענישן. אַזוי, צום בײַשפּיל, איז בעת פאָלקס־אינסטיטוציעס, שולן און ביבליאָטעקן זענען אָנגערופן געוואָרן מיט די נעמען פון די העלדן און קדושים מרדכי אַניעלעוויטש (דער קולטור־צענטער אין דעוואָטאָ), שמעון דובנאָוו (די ביבליאָטעק בײַ דער פעדעראַציע), יאַנוש קאָרטשאַק און עמנואל רינגעלבלום (די שולן אין קאַבאַזשיטאָ און אין פּאַמפּעזשאַ־פּאַרקע־פּאַטריסיאָס), האָט די קהילה פון דער שטאָט בוענאָס־אײַרעס נישט געפונען פאַר

זיך קיין בעסערן סימבאָל, ווי אַדאַם טשערניאַקאָוו, געוועזענער פאָרזיצער פון וואַרשעווער יודענראַט, אויף וועמענס נאָמען זי האָט אָנגערופן איר זיצונגסזאַל. די ייִדישע מאַסע אַלס גאַנצע האָט אָבער, אין תוך, באַגריפן די היסטאָרישע באַדייַטונג פון די געשעענישן. די דאַטע פון 19טן אַפריל, וואָס איז אַרייַנגעשריבן געוואָרן נישט נאָר מיט בלוט, נאָר אויך מיט גבורה און מוט אין אונדזער פאָלקס־געדעכעניש, איז געוואָרן דער חוט המשולש אַרום וועלכן עס קייטלט זיך אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט אונדזער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט.

יעדעס יאָר ווערט דער 19טער אַפריל דערמאָנט דורך די ייִדישע מאַסן מיט ערפאָרכט און טיפן יראת־הכבוד, און די אַקטן וואָס ווערן זינט 1946, אָרגאַניזירט דורך דעם וואַרשעווער לאַנדס־לייַט־פאַראיין, פעדעראַציע פון לאַנדסמאַנשאַפטן און די פראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אינסטיטוציעס, נעמען כסדר אָן אַן אַלץ גרעסערן און מער אימפאָזאַנטן כאַראַקטער, מ׳קען זאָגן, אין דירעקטער פראָפאָרץ צו דעם וווּקס פון די נייַע געפאַרן וואָס דראָען דער מענטשהייט. די ייִדישע מענטשן פאַרשטייען אַלץ מער און מער, אַז צוליב אונדזער קיום דאַרפן מיר האַלטן הייליק די צוואה פון אונדזערע העלדן און קדושים, די צוואה פון די גבורים פון וואַרשעווער געטאָ וועגן קעמפן געאייניקט קעגן דעם געפערלעכן שונא, אונטער וועלכע פאָרמען ער זאָל זיך נישט מאַניפעסטירן; קעמפן קעגן דעם גייַסט פון יודענראַטלערייַ און קאָלאַבאָראַציאָניזם, און פאַרטיידיקן מיט אַלע כוחות דעם שלום. די ייִדישע פאָלקס־מענטשן באַגרייַפן אַז דער אויסבראָך פון אַ נייַער וועלט־מלחמה, אָדער שוין דאָס בלויזע שאַפן אַ מלחמה־אַטמאָספער, זייען טעראָר און דראָונג מיט אַטאָמישע באָמבעס, קען זיך אָפרופן פאַטאַל פאַר אונדזער פאָלקס־עקסיסטענץ. דערפאַר זענען אונדזערע געטאָאַקטן — און די פראָפאַגאַנדע וואָס ווערט אין פאַרבינדונג מיט דעם געפירט — פאַקטיש גרויסע מאַניפעסטאַציעס פון באַוווּסטזיניקן קאַמף פאַר שלום, קעגן דער ווידערדערוואַכונג פונעם נאַציזם און דעם וווּקס פון אַנטיסעמיטיזם.

פאַר די לעצטע יאָרן האָבן ליידער נישט געהאַט די לאַנדסמאַנשאַפטן און די אַנדערע פראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס קיין מעגלעכקייט דורכצופירן אין בוענאָס־אייַרעס גרויסע פאָלקס־דעמאָנסטראַציעס און אַפילו געטאָאַקטן האָבן געמוזט דורכגעפירט ווערן אומלעגאַל. אַלס אילוסטראַציע דערפון קען דינען דער ווייַטערדיקער אויסצוג פון אַן עפנטלעכן באַריכט וועגן דער געטאָ־פייַערונג אין 1955 בייַ די וואַרשעווער: „מיר האָבן דאָס יאָר געפייַערט דעם 19טן אַפריל ווי מאַראַנען. מיר האָבן אָפגעריכט די הגדה פון אויפשטאַנד פונקט אַזוי ווי עס האָבן אָפגעריכט די הגדה פון יציאת מצרים די ייִדן אין געטאָ. שטיל, באַהאַלטן אָבער מיט גלי אין די הערצער ווי יורשים פון די געפאַלענע אין אויפשטאַנד...״

אָבער, ווי גרויס די שוועריקייטן זאָלן נישט זייַן, האָבן מיר שטענדיק פאַר אונדזערע אויגן דעם העלדישן בייַשפיל פון די געטאָקעמפערס און זייער אומגעבראָכענעם גלויבן, אַז:

„קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטער שעה,
ס׳וועט אַ פויק טאָן אונדזער טראָט — מיר זענען דאָ!״

♠ ◆ ♠

ווער איז געווען אַנדזשעי שמידט: פיניע קאַרטין אָדער עליע מאָזעס

אין דער פּאַריזער צייַטונג „נייַע פּרעסע" איז געווען פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון ל. פּייַנער אונטערן טיטל: „אַנדזשעי שמידט (פיניע קאַרטין), דער פּאַריזער יִדישער פאָלקסטוער, וואָס איז געוואָרן ערשטער קאָמענדאַנט פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשעווער געטאָ". קורץ נאָכדעם ווי דאָס אַרטיקל איז דערשינען, זענען אָנגעקומען אין דער צייַטונג מערערע בריוו פון לייענערס, מיינסטנס לאַנדסלייַט פון מינסק־מאַזאָוויעצק, וועלכע האָבן באַהויפּטעט, אַז אַנדזשעי שמידט איז דער פּסעוודאָנים נישט פון פיניע קאַרטין, נאָר פון עליע מאָזעס, וועלכער שטאַמט פון מינסק־מאַזאָוויעצק. ברענגען מיר דאָ אַ דערקלערונג פון פּראָפּ׳ ב. מאַרק, פאָרזיצער פון יִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע, וועלכער האָט נאָכגעפאָרשט דעם ענין:

— רעדאַקציע.

דעם בריוו מיטן „פּראָטעסט" פון די פריַינד פון עליע מאָזעס דערהאַלטן. די קאָמפּליצירטקייט פון דער פראַגע איז באַקאַנט נישט פון הייַנט. פון ערשטן מאָמענט האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף צוויי אַנדזשעי שמיטס.

אַלץ וואָס די חברים שרייַבן, איז אמת און ריכטיק. דער אמתער בעל־הבית פון פּסעוודאָנים „אַנדזשעי שמידט" איז עליע מאָזעס, וועלכער איז געווען אין שפּאַניע, דערנאָך אין ראַטן־פאַרבאַנד און איז פון מאָסקווע געשיקט געוואָרן אַלס פּאַראַשוטיסט אין אָקטאָבער אָדער נאָוועמבער 1941 קיין פּוילן צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע. אין פּוילן איז פאַראַן דער חבר (אַן אָנגעזעענער טוער), וועלכער האָט אַרויסגעשיקט מאָזעסן מיט אַ פּאַראַשוט. עס איז נאָך דעמאָלט נישט געווען די פּפּ״ר. מאָזעס איז געפלויגן לויט דער ליניע פון סאָוועטישן מיליטער. מען ווייסט אַז ער איז אָנגעקומען קיין פּוילן ערגעץ אין דער וואַרשעווער געגנט. אָבער יעדער שפּור איז נאָך אים פאַרלוירן געגאַנגען. קלאַנגען זענען פאַראַן פאַרשידענע: איינע האַלטן אַז מען האָט אים געכאַפּט און ער איז אומגעקומען, אַנדערע — אַז מען האָט אים נאָך דער מלחמה געזען אין מאָסקווע אין אַ מונדיר פון אַ סאָוועטישן אָפיציר (איך האַלט עס פאַר אַ לעגענדע). אַלן פאַלס דוכט זיך אַז איינס איז ריכטיק: עליע מאָזעס איז אין וואַרשעווער געטאָ נישט געווען. דער פאַקט וואָס געוויסע עדות האַלטן אַז ער איז דאָרטן געווען, נעמט זיך פון דעם גאַנצן מערקווירדיקן קנויל, וואָס מען האָט פאַרטוישט ביידע „אַנדזשעיס", אָדער ביידע „שמידטס", מאָזעסן מיט קאַרטינען.

פיניע קאַרטין, אָדער פּיאָטר קאַרסקי איז אַ ווירקלעכע געשטאַלט, אויך אַ קאָמוניסט, אויך אַ געוועזענער שפּאַנישער קעמפער, אויך געווען דערנאָך אין מאָסקווע. אַז קאַרטין האָט געקעמפט אין שפּאַניע איז אויסער יעדן צווייפל. קאַרטין איז געווען אַן ערנסטער פּאַרטייִשער טוער. פון מאָסקווע איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן אַלס פּאַראַשוטיסט שפּעטער ווי מאָזעס, סוף דעצעמבער 1941, און ער איז שוין געשיקט געוואָרן לויט דער ליניע פּפּ״ר. ער איז געפלויגן אין איין אַעראָפּלאַן צוזאַמען מיט די גרינדער פון פּפּ״ר נאָוואָסקאַ, פינדער און אַנדערע. אין וואַרשע לעבט די חברטע מאַריאַ רוטקעוויטש, וועלכע איז געפלויגן מיט קאַרטינען צוזאַמען, און אין איינעם מיט אים אָנגעקומען הינטער וואַרשע און דערנאָך קיין וואַרשע. עס לעבט אויך די פּוילישע פרוי, בייַ וועלכער קאַרטין האָט פאַרבראַכט אין אַ קאָנספּיראַטיווער דירה די ערשטע טעג אין וואַרשע אויף דער „אַרישער" זייַט. סייַ רוטקעוויטש, סייַ די דאָזיקע פרוי, סייַ אַלעף, סייַ בערמאַן, סייַ גיטלער, סייַ אַלע ציוניסטישע עדות, ווי נאָר זיי האָבן דערזען די אמתע פאָטאָגראַפיע פון פיניע קאַרטין, האָבן זיי אויסגערופן: „אַנדזשעי שמידט"! און אויך: „קאַרטין"! ווען זיי האָבן געזען מאָזעסעס בילד, האָבן זיי אַלע געזאָגט אין איין קול: „ס'איז נישט דער".

פון וואַנען נעמט זיך די אַסאָציאַציע פון קאַרטינען מיטן פּסעוודאָנים „אַנדזשעי שמידט", וואָס געהערט פאַקטיש צו מאָזעסן? מייַנע אַלע באַמיִונגען און ממש דעטעקטיווישע פאָרשונגען האָבן נישט געבראַכט צו קיין שום רעזולטאַט. די אַלטע פּפּ״ר־חברים מיינען אַז די סיבה איז אַזאַ: דער פּאַראָל פון פּפּ״ר צו די חברים אין געטאָ איז געווען: „אַנדזשעי", אַז מען האָט געוואָלט אין די פּוילישע פּפּ״ר־קרייַזן רעדן וועגן די חברים פון געטאָ, האָט מען באַנוצט אַ טערמין: „אַנדזשעי". דער וויכטיקסטער פאָרשטייער און פאַרבינדלער איז געווען קאַרטין (נאָך פאַר לעוואַרטאָווסקין). האָט מען אים גערופן: „אַנדזשעי". היות צווישן די חברים איז געווען פּאָפּולער דער נאָמען „אַנדזשעי שמיט" און היות מען האָט געוווסט, אַז אויך שמיט־מאָזעס האָט פּאַראַשוטירט, האָט מען געוויס פאַרטוישט די יוצרות, און אַזוי אַרום איז קאַרטין געוואָרן „אַנדזשעי שמיט". אַפילו דער געוועזענער שעף פון דעם שטאַב פון דער גוואַרדיאַ לודאָוואַ, יוזשוויאַק („וויטאָלד"), ווייסט נאָר פון אַן אַנזשעי שמיט, וועלכער איז, לויט אים קאַרטין.

די זאַך איז זייער אַ וויכטיקלעכע, עס איז טאַקע אַן עוולה וואָס מאָזעסעס פּסעוודאָנים האָט זיך צוגעקלעפּט צו קאַרטינען. צום ווינציקסטן איז אין דעם שולדיק געווען קאַרטין אַליין, וועלכער איז נעווען אַ גרויסער אידעאַליסט און אַ מענטש אַן ערלעכער ביז נאַר.

V.

אין נייַעם וואַרשע

א. קוואַטערקאָ (וואַרשע)

ווען חלום איז געוואָרן וואָר...

(צום 10טן יאָרטאָג פון באַפרייען וואַרשע)

ווען מיר שפּאַצירן הײַנט איבער דעם פּרעכטיקן קאָנסטיטוציע־פּלאַץ, מיט די העל־באַלויכטענע קאַנדעלאַבערס, ווען מיר ווענדן אונדזערע אויגן אויף די נײַע אויפגעבויטע בלאָקענדיקע פון ווײַס־קייט וווינונגסהײַזער, ווען מיר גייען פאַרבײַ די פולע מיט מענטשן רחבותדיקע גאַסן און פּלעצער, ווען מיר קוקן זיך צו צום אויסגעענ־דיקטן און אָפּגעגעבענעם צום באַנוץ פון דער וואַרשעווער באַפעל־קערונג אַ פּרעכטיקן פּאַלאַץ פאַר קולטור און וויסנשאַפט — די הער־לעכע מתנה פון די סאָוועטישע ברידער, — ווען מיר שטעלן זיך אָפּ בײַ די שיינע געשעפטן און מאַגאַזינען און באַוווּנדערן זייערע רײַך־אויסגעשטאַטע שויפענצטער, ווען מיר זעען דאָס שפּרודלדיקע לעבן פון אונדזער הויפּטשטאָט וואַרשע, ווילט זיך פּשוט נישט גלייבן, אַז נישט לאַנג צוריק איז דאָ געווען איין ריזיקע חורבה, וואָס די דײַטשע פאַשיסטישע אָקופּאַנטן האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזן. עס איז שווער צו באַגרײַפן אַז אין משך פון אַזאַ קורצער צײַט איז דאָס אַלץ פאַר־שוווּנדן, איז אויפגעטאָן געוואָרן אַזוי פיל וווּנדער.

צען יאָר זענען פאַרבײַ זינט וואַרשע איז געוואָרן באַפרײַט.

דעם 17טן יאַנואַר 1945 האָט די באַפרײַערישע סאָוועטישע אַרמיי, צוזאַמען מיט די אָפּטיילונגען פון פּוילישן פאָלקס־מיליטער, אַרײַנמאַרשירט אין דער חרובער שטאָט. אַלץ איז דאָ געווען אָפּגע־שטאָרבן. צווישן די חורבות און רויִנען האָבן זיך געוואַלגערט 60 טויזנט נישט באַגראָבענע מתים. נאָך שרעקלעכער, נאָך ווייטיקלעכער האָט אויסגעזען דער צפון־ראַיאָן פון שטאָט, דער קוואַרטאַל פון געוו׳ יידישן געטאָ — דאָ האָט מען ממש נישט געזען קיין איין גאַנ־צע אָדער האַלבע מויער, טויט און פאַרוויסטונג האָט אַרויסגעקוקט פון יעדן ווינקל. קיין סימן פון קיין גאַס, פון קיין הויז. אַלץ צע־שטערט, אַלץ פאַרניכטעט.

איבער דער גרויסער אָנדערטהאַלבנמיליאָניקער שטאָט האָבן זיך נאָך געטראָגן קנוילן פון נישט־פאַרלאָשענע שרפות.

טאָג און נאַכט במשך פון דרײַ חדשים האָבן די היטלעריס־טישע רוצחים געברענט און געסמאַליעט די הויפּטשטאָט; די פאַר־ניכטונג פון וואַרשע האָט באַטראָפן לויט גענויע סטאַטיסטישע אויסרעכענונגען 75 פּראָצענט פון דער גאַנצער קובאַטור. עס זענען פולשטענדיק צעשטערט געוואָרן 11.229 הײַזער און טיילווײַז 14.269 הײַזער.

די וואַסער־ליטונג, די קאַנאַליזאַציע, די עלעקטראָווניע און גאַזאָווניע זענען געוואָרן דעוואַסטירט און אַלע בריקן איבער דער ווײַסל און די באַנוואָקזאַלן אויפגעריסן אין דער לופטן.

מיט אַ באַזונדערער פאַרביסנקייט האָט דער פאַשיסטישער אָקופּאַנט צעשטערט די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען און די דענקמעלער פון דער נאַציאָנאַלער קולטור. 90 פּראָצענט פון אַלע פאַבריקס־בנינים זענען געלעגן אין חורבות. אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 957 אַלטערטימלעכע געבײַדעס זענען פולשטענדיק געוואָרן צעשטערט 782 און די אַנדערע זענען שווער באַשעדיקט געוואָרן. עס זענען פאַרניכטעט געוואָרן אַלע מוזייען, ביבליאָטעקן, וויסנ־שאַפטלעכע און קונסט־זאַמלונגען.

אָבער דער גרעסטע פאַרלוסט פון וואַרשע זענען געווען די הונדערטער טויזנטער ייִדן און פּאָליאַקן, וועלכע זענען אויף אַ שוידערלעכן אופן אומגעקומען אין די קרעמאַטאָריעס און גאַזקאַ־מערן פון די היטלעריסטישע לאַגערן, צעשאָסן געוואָרן בעת מאַסן־עקזעקוציעס און געפאַלן אין די קאַמפן מיטן בלוטיקן שונא. אַזאַ איז געווען דער רעזולטאַט פון היטלערס מאָרד־ און רויב־אַרבעט אין פוילנס הויפּטשטאָט וואַרשע.

עס האָט זיך געדאַכט אַז דאָס צוריקאויפבויען אונדזער הויפּטשטאָט וועט דויערן אַן אייביקייט, אַז אונדזער דור וועט שוין נישט האָבן דאָס גליק צו זײַן אַן עדות פון דער נײַער, אויפגעריכ־טער צום לעבן וואַרשע. סקעפּטיקערס האָבן אפילו געהאַלטן, אַז וואַרשע וועט שוין מער נישט עקסיסטירן; געווען אפילו אַזעלכע, וועלכע האָבן פאָרגעלייגט אַריבערצוטראָגן די הויפּטשטאָט ערגעץ אַנדערשוווּ . . .

ווי אַ פרישער און אויפמונטערנדיקער שטראָם האָט געווירקט דער באַשלוס פון דער יונגער פאָלקסמאַכט, אַז וואַרשע וועט פאַר־בלײַבן די הויפּטשטאָט פון נײַעם פוילן, אַז זי וועט צוריק אויפגע־בויט ווערן און זײַן שענער ווי געווען. דער פּאָרזיצער פון לאַנדישן נאַציאָנאַל־ראַט באָלעסלאַוו ביערוט האָט אין צוויי טעג אַרום נאָך דער באַפרײַונג, אויף דער גרויסער מיליטערישער דעפילאַדע אין דער הויפּטשטאָט, דערקלערט: „וואַרשע! מיר זאָגן דיר הײַנט הייליק צו: אויף די קברים פון דײַנע העלדן, אויף די רויִנען פון דײַנע פּרעכטיקע בנינים, גאַסן און פּלעצער, וועט דאָס פאָלק מיט זײַנע כוחות, וואָס וועלן אים נאָר סטײַען, אויפשטעלן אַ דענקמאָל לכבוד דײַן געשיכטלעכן רום, וואַרשע!"

אין די פראָסטיקע יאַנואַר־טעג פון 1945 האָבן זיך גענומען אומקערן אין זייער היים־געליבטער שטאָט די ניצול געוואָרענע פון טויט, די אויסבאַהאַלטענע אין אַרומיקע שטעטלעך אָדער די מיט צוואַנג אַרויסגעטריבענע דורך די היטלעריסטן וואַרשעווער אייַנוווינערס. נישט געקוקט דערויף, וואָס עס האָבן געפעלט די סאַמע עלעמענטאַרסטע מענטשלעכע באַדינגונגען, וואָס עס איז נישט געווען קיין דאַך איבערן קאָפ, וואָס עס האָט געפעלט וואַסער און הייצוואַרג, וואָס עס איז נישט געווען קיין עסן, האָבן די מענער און פרויען זיך געשטעלט צוריקאויפבויען זייערע היימען. שווער איז געווען די אַרבעט. אומגעהייַער שווער. אָבער דער שטאַרקער ווילן צו פאַרוואַנדלען די טויטע שטאָט אין אַ בליִענדיקן צענטער האָט צוגעגעבן כוח צו באַזיגן די שוועריקייטן.

די ברידערלעכע הילף פון ראַטן־פאַרבאַנד

אין דער דאָזיקער שווערער צייַט האָט דער גרויסער ראַטן־פאַרבאַנד געהאָלפן אַרויסהייבן די הויפטשטאָט פון די חורבות. די ערשטע ממשותדיקע הילף האָבן געבראַכט די העלדישע סאָוועטישע שלאַכטלייַט. אין די אומגעהייַערע שווערע באַדינגונגען האָבן זיי אָפגערייניקט די בערג גרוז, שטיינער און ציגל פון די וואַרשעווער הויפטגאַסן, באַזייַטיקט מיליאָנען מינעס, וועלכע די היטלעריסטן האָבן פאַרלייגט ערב זייער אַנטלויפן פון דער הויפטשטאָט. די סאָוועטישע מענטשן האָבן אויפגעשטעלט די ערשטע בריקן איבער דער ווייַסל, פאַרלייגט טעלעפאָנישע ליניעס, די עלעקטרע־באַן — די מתנה פון ראַטן־פאַרבאַנד — האָט געגעבן די ערשטע עלעקטרישע שטראַלן און ענערגיע.

די סאָוועטישע פעלקער, וועלכע האָבן אַזוי פיל געליטן בעת דער לעצטער מלחמה, האָבן זיך געטיילט מיט די וואַרשעווער אייַנוווינערס מיט יעדן ביסן. פון אוקראַיִנע איז געקומען תבואה און פלייש, פון אַנדערע געגנטן האָט מען געשיקט די ערשטע היים פאַר די פוילישע ברידער — 500 פינישע הייַזלעך, ווי אויך 30 טראָלעבוסן און אַ ראַדיאָ־סטאַציע.

די בעסטע סאָוועטישע ספעציאַליסטן, אינזשיניערן, קאָנסטרוקטאָרן, טעכניקערס האָבן געלאָזן אין גאַנג די עלעקטראָווניע, די וואַסער־לייטונג, די קאַנאַליזאַציע. זיי האָבן געהאָלפן פאַרלייגן איבער דער ווייַסל אין פאַרלויף פון איין וואָך די ערשטע בריק. צוגלייך מיט די ווונדער אין קאַמף האָבן די סאָוועטישע מענטשן אויך באַוויזן ווונדער אין אויפבוי. דאָס געמיינזאַמע פאַרגאָסענע בלוט אויף די שלאַכטפעלדער, די איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען בייַם אויפריכטן די דעוואַסטירטע שטאָט, האָבן צעמענטירט אויף אייביק די פויליש־סאָוועטישע פרייַנדשאַפט און ברידערלעכקייט.

עס איז זיך באמת שווער פאָרצושטעלן די צוריק אויפגעלעבטע פוילישע הויפטשטאָט אָן דער טאָג־טעגלעכער הילף פון דעם גרויסן פרייַנד פון אונדזער פאָלק — פונעם ראַטן־פאַראַבנד. די יונגע אַרבעטער־ און פויערים־רעגירונג האָט איבערגענומען בירושה אַ פרימיטיווע, פאַרעלטערטע טעכניק, מיט וועלכער עס וואָלט אוממעגלעך געווען צוריקאויפצובויען וואַרשע. דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט אונדז באַזאָרגט מיט מאָדערנע בוימאַשינען, הייב־קראַנען, טראַנספאָרטערן. אַ דאַנק דער ווייַטגרייכנדיקער הילף פון די סאָוועטישע מענטשן האָבן מיר געקענט אויפבויען אין אַזאַ שנעלן טעמפ די רחבותדיקע טראַסע וו־זעט (מזרח־מערב־מאַגיסטראַלע), דעם מאַרשאַלקאָווסקער וווינונגס־קוואַרטאַל. עס איז מעגלעך געוואָרן צו ברענגען אין באַוועגונג אַ ריי אַלטע פאַבריקן און אויפבויען נייַע אינדוסטריעלע אָביעקטן, ווי די עלעקטראָ־טערמאָ־סטאַציע, די פאַבריק פון פאַסאַזשיר־אויטאָס אין זשעראַן און אַנד׳. עס איז נישט פאַראַן אַזאַ געביט, וווּ עס זאָל זיך נישט פילן די ברידערלעכע הילף פון לאַנד פון זיגרייַכן אָקטאָבער.

דער שענסטער און בעסטער אויסדרוק פון דער אומפאַראינטערעסירטער הילף פון ראַטן־פאַרבאַנד איז די בויונג פון דעם מאָנומענטאַלן פאַלאַץ פאַר קולטור און וויסנשאַפט אין וואַרשע — דער סימבאָל פון אייביקער פויליש־סאָוועטישער פרייַנדשאַפט.

„די דאָזיקע ברידערלעכע, האַרציקע, מסירת־נפשדיקע הילף — האָט דערקלערט באָלעסלאַוו ביערוט — דאָס איז די ערשטע ברידערלעכע האַנט, וואָס האָט אונדז געהאָלפן צוריק אויפשטעלן דאָס לעבן פון אונדזער הויפטשטאָט. זאָלן וועגן דעם געדענקען די אַלע, וואָס טרעטן אויף די גאַסן פון דער ווידעראויפגעלעבטער שטאָט.״

דאָס גאַנצע פאָלק בויט די הויפטשטאָט

צום אויפבויען און איבערבויען די הויפטשטאָט האָט זיך געשטעלט דאָס גאַנצע פאָלק. וואַרשע ווערט געבויט אין יעדער פאַבריק פון לאַנד, בייַ יעדער מאַשין, וואַרשטאַט און אַקער־אייַזן. די שלעזישע אַרבעטערס האָבן אויסגעפאַרטיקט שטאָלענע קאָנסטרוקציעס פאַר די בריקן איבער דער ווייַסל, די סאַנאָקער און כאָזשוווער אַרבעטערס האָבן באַזאָרגט די באַפעלקערונג מיט נייַע טראַמוויי־וואַגאָנען, די לובלינער וואַלדהעקערס האָבן געשיקט געהילץ פאַר די בויונגען . . . די וראָצלאַווער אייַנוווינערס — ציגל און צעמענט; פון די דערפער איז געקומען אַהער אין דער הויפטשטאָט ברויט, פלייש, פרוכטן, מילך, פוטער. טויזנטער מענטשן פון גאַנצן לאַנד האָבן זיך געלאָזט קיין וואַרשע, כדי זי צוריק אויפצובויען.

אין די שטעט און דערפער פון פוילן זענען אַנטשטאַנען בירגער־קאָמיטעטן, וועמענס אויפגאַבע עס איז צו טראָגן מאַטעריעלע און מאָראַלישע הילף דער הויפטשטאָט. מיר האָבן שוין הייַנט אַזעלכע קאָמיטעטן כמעט בייַ אַלע גרעסערע און קלענערע אונטערנעמונגען: בייַ די הוטעס און שיפווערפן, בייַ די קוילנגרובן און מלוכישע לאַנדווירטשאַפטן, בייַ די אַרבעטס־קאָאָפעראַטיוון און פאַבריקן. זייער צאָל דערגייט אין די שטעט ביז 22 טויזנט און אין די דאָרפישע גראָמאַדעס ביז 35 טויזנט. פון די דערוואַקסענע שטייט אויך נישט אָפ אונדזער יוגנט, וועלכע האָט בייַ די שולן געשאַפן 21 טויזנט שולקרייַזן. אומעטום גייט אָן אַ גרויסע אַרבעט צו זאַמלען געלטמיטלען אויפן „געזעלשאַפטלעכן פאָנד פאַר בויען וואַרשע.״ ביזן 18טן מייַ 1955 איז אויפן דאָזיקן פאָנד שוין צונויפגעזאַמלט געוואָרן די ריזיקע סומע פון 1 מיליאַרד זלאָטעס.

דער מאַטעריעלער צושטייַער פון דער באַפעלקערונג איז אַ וויכטיקע דערגאַנצונג צו די גרויסע אינוועסטיציעס פון דער פאָלקסמאַכט, איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר וואָס פאַרשנעלערט דעם טעמפאָ פון אויפבוי און איבערבוי פון וואַרשע.

פאַר דעם מיליאַרד זלאָטעס זענען אין דער הויפטשטאָט צוגעקומען נייַע שולן און קינדער־גערטנער, נייַע שפיטאָלן און ספאָרטפלעצער; עס זענען אויפגעבויט געוואָרן דער אוניווערסיטעט און דאָס פאָליטעכניקום, רעסטאַווירט געוואָרן די דענקמעלער פאַר מיצקעוויטש און קאָפערניקן און פאַרלייגט געוואָרן נייַע בריקן איבער דער ווייַסל.

פון די פרייַוויליקע בייַשטייַערונגען, וואָס עס גיט כמעט יעדער צווייטער בירגער פון פאָלקס־פוילן, איז אויפגעבויט געוואָרן דער

צענטראַלער פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו, דער קאָנסטיטוציע־פּלאַץ, דער דזשערזשינסקי־פּלאַץ צוזאַמען מיטן דענקמאָל, עס זענען אויפגעקומען נײַע, וויכטיקע קולטור־ און קונסט־אָביעקטן.

וואַרשע שטעלט מיט זיך הײַנט פאָר איין גרויסע גיגאַנטישע בויונג. אַלע שטאָטקוואַרטאַלן זענען אײַנגעהילט אין אַ וואַלד פון רושטאָוואַניעס; טאָג און נאַכט, בײַ זונשײַן און בײַ עלעקטרישער באַלויכטונג הערט זיך דאָס ריטמישע קלאַפּן פון האַמערס און קאָוואַדלעס, דאָס אומאויפהעריקע באַוועגן זיך אַרויף און אַראָפּ פון מעכטיקע הייבקראַנען, בליץ שנעל וואַקסט אויס פאַר אונדזערע אויגן נײַע געבײַדעס, נײַע טעאַטערס, קולטורהײַזער, שולן, קינדער־גערטנער. נישט קיין צענדליקער יאָרן זענען נייטיק געווען, ווי דאָס האָבן פאַרויסגעזאָגט די סקעפּטיקערס. וואַרשע האָט באַקומען איר זעקסיאָריקן אויפבויפּלאַן, וועלכער ווערט דערפאָלגרײַך רעאַליזירט און איבערגעשטיגן.

די הויפּטשטאָט ווערט איצט איבערגעבויט אויף אַ נײַער סיסטעם, אין הסכּם מיט די באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג. די סאָציאַליסטישע וואַרשע געפינט זיך איצט אויף אַ שטח, וואָס איז דרײַ מאָל גרעסער פון פאַרמלחמהדיקן שטח. וואַרשע וועט ווערן אַ גרויסער אינדוסטריעלער און קולטור־צענטער. שוין הײַנט זעען מיר די קאָנטורן פון דער נײַער, פולשטענדיק איבערגעבויטער הויפּטשטאָט; עס זענען אויפגעקומען עטלעכע צענדליק נײַע, אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פון מעטאַל, עלעקטראָטעכניק און באַקלייד, וועלכע פּראָדוצירן הײַנט פיר מאָל מער ווי פאַר דער מלחמה. עס ווערט איצט געבויט אַ הוטע פון איידעלע מעטאַלן. די פאַבריקן זענען מער נישט צעוואָרפן איבער דער גאַנצער שטאָט, ווי פאַר דער מלחמה, נאָר קאָנצענטרירן זיך אין באַשטימטע דערצו קוואַרטאַלן, ווי וואָליע, זשעראַן, גראָכוּוו און אָקענטשע. עס ווערט פיל געזאָרגט פאַר שאַפן אַנטשפּרעכנדיקע באַדינגונגען פאַר די אַרבעטערס. לעבן די אינדוסטריעלע אָביעקטן ווערן געשאַפן נײַע סאָציאַלע אײַנריכטונגען, ווי קלובן, קינדער־גערטנער, קולטורהײַזער, לייענזאַלן, קינאָס און טעאַטערס. די בײַפאַבריק־שטחים ווערן פאַרפלאַנצט מיט גרינס און בלומען.

אַ באַזונדערער קאַפּיטל איז די בויונג פון וווינהײַזער. אין בוי געפינען זיך הײַנט 1200 אָביעקטן, וועלכע וועלן אין קורצן אָפּגעגעבן ווערן אין רשות פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג. ביז איצט זענען אַרויסגעענדיקט געוואָרן 90 טויזנט וווינונגען, וועלכע עס האָבן אין דער ערשטער רײַ באַקומען די אַרבעטערס און באַאַמטע פון דער הויפּטשטאָט. אָבער ווי אַנדערש זעען אויס די דאָזיקע הײַזער! אויפן אָרט פון די אַמאָליקע אַלטע קאַזאַרמעאַרטיקע הײַזער זענען אויפגעקומען וווינונגס־בנינים מיט די בעסטע באַקוועמלעכקייטן און היגיענישע באַדינגונגען.

צווישן די ערשטע וווינונגס־קוואַרטאַלן, וועלכע מען האָט אָנגעהויבן בויען, געפינט זיך דער אַמאָליקער און דערנאָך פולשטענדיק צעשטערטער גרעסטער וואַרשעווער יישוב — מוראַנאָוו, דאָס אָרט פון געוועזענעם געטאָ. שווער איז געווען די בויונג פון דאָזיקן ראַיאָן. בלויז דאָס אָפּרייניקן די חורבות און גרוז האָט געפאָדערט אַ 3יאָריקע אַרבעט פון העכער צען טויזנט מענטשן, דרײַ יאָר אַרבעט פון זיבן באַנצוגן, ווי אויך אַ גרויסע צאָל מכשירים. אָבער דער שטאַרקער און אומבויגזאַמער ווילן פון אַרבעטנדיקן פאָלק האָט שנעל גובר געווען יעטוועדע שוועריקייט.

איצט איז שוין כּמעט פולשטענדיק אויפגעבויט דער טייל מוראַנאָוו פונדער לעשנאָ ביז דער דזשעלנאַ־גאַס. אין משך פון הײַנטיקן יאָר ווערט פאַראויס געזען דאָס ענדגילטיקע אויסענדיקן די אַנדערע אָביעקטן. ביז הײַנט זענען אָפּגעגעבן געוואָרן אין באַנוץ פון די אײַנוווינערס 1851 צימערן. אין קורצן וועט מוראַנאָוו זײַן אַ ייִשוב מיט 40 טויזנט אײַנוווינערס.

דער געוועזענער ייִדישער וווינונגס־קוואַרטאַל, וועלכן די היטלער־רוצחים האָבן געברענט און געסמאַליעט נישט איבערלאָזנדיק אַ שטיין אויף אַ שטיין, ווערט הײַנט דורך דער פאָלקסמאַכט פאַרוואַנדלט אין אַ בליִענדיקן צענטער... דאָרט ווּ עס האָט מיט 10 יאָר צוריק געהערשט טויט און פאַרוויסטונג גייט צוריק אויף אַ נײַ לעבן ,הערט זיך דאָס פריידיקע געזאַנג פון ייִדישע און פּוילישע קינדער פון דערנעבנדיקע שולפּלעצער און פאַרשולן. די אײַנוווינערס זענען פאַרנומען מיט זייער פרידלעכער אַרבעט, זיי בויען און שאַפן. קאָנסעקווענט און אַנטשלאָסן ווערט רעאַליזירט די צוואה פון די העלדישע געטאָ־אויפשטענדלערס וועגן פאַרוואַנדלען אין לעבן די חורבות פון געוו׳ געטאָ — דעם סימבאָל פון גבורה און ווידערשטאַנד קעגן היטלעריסטישן פאַשיזם — דעם סימבאָל פון פרײַהייט, פּראָגרעס און סאָציאַליזם.

אין צענטער פונעם מוראַנאָווער ראַיאָן שטייט דער גראַניטענער דענקמאָל פון די אומגעקומענע קדושים פון וואַרשעווער געטאָ — ווי אַ דערמאָנונג פון אַ פאַרשניטן ייִדיש לעבן און גלײַכצײַטיק ווי אַ וואָרענונג קעגן די, וואָס ווילן אויף סנײַ אַרײַנשלײַדערן די וועלט אין אַ נײַ אומגליק.

צוזאַמען מיט מוראַנאָוו זענען אויפגעבויט געוואָרן כּמעט אַלע אונדזערע וווינקוואַרטאַלן: מאָקאָטאָוו, אַלטשטאָט, מלינאָוו, וואָליע, אָכאָטע, קאָלאָ און אַנד׳. פולשטענדיק איז רעסטאַווירט געוואָרן דער היסטאָרישער אַלטשטאָטישער טראַקט, די קראָקאָווער פאָרשטאָט, מאַריענשטאַט; עס איז צוריק אויפגעבויט געוואָרן די פאַרברענטע וואַרשעווער פילהאַרמאָניע, עס געפינט זיך אין בוי די אָפּערע אויפן טעאַטער־פּלאַץ, דער הויפּטוואָקזאַל, עס ווערן רעסטאַווירט די דענקמעלער, אַלטערטימלעכקייטן, די היסטאָרישע פּאַלאַצן. די סאַמע ערשטע גאַס, וואָס וואַרשע האָט באַקומען, איז געווען די אויף ס׳נײַ איבערגעבויטע נײַע־וועלט־גאַס — וואָס סימבאַליזירט די שטרעבונג פון אַרבעטנדיקן פאָלק צו אַ נײַ לעבן.

צוזאַמען מיט דער בויונג וואַקסט אויך די באַפעלקערונג פון אונדזער הויפּטשטאָט, וועלכע ציילט שוין הײַנט צו טאָג העכער 1 מיליאָן אײַנוווינערס און וו׳זט אַרויס אַ טענדענץ פון כּסדרדיקן וווּקס.

אָבער ווי ראַדיקאַל האָט זיך געביטן די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער באַפעלקערונג! די צאָל אַרבעטערס און, באַשעפטיקטע אין דער אינדוסטריע און בוי, באַטרעפט הײַנט 210 טויזנט, און די אַלגעמיינע צאָל באַשעפטיקטע אין דער געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט און אין דער אַדמיניסטראַציע מאַכט אויס 50 פּראָצענט פון אַלע אײַנוווינערס.

אויף דער גאַנצער וועלט איז שוין באַוווּסט דער „וואַרשעווער בויונגס־טעמפּאָ”. די העלדישע בוי־אַרבעטערס באַווײַזן פּשוט וווּנדער אינעם גרויסן ווערק פון איבערבויען די הויפּטשטאָט. מיט יעדן טאָג שטײַגן זיי איבער די פעסטגעשטעלטע אַרבעטס־נאָרמעס, אַלטע פאָרמען ווערן פאַרביטן דורך נײַע. אין פּראָצעס פון שאַפן קומען אויף נײַע באַגריפן וועגן אַרבעט. עס איז שוין הײַנט שווער פעסטצושטעלן די גרענעץ פון דער צאָל ציגל וואָס ווערט געלייגט אין משך פון אַן אַרבעטסטאָג. שנעל און גוט אַרבעטן — איז הײַנט דער דעוויז פון יעדן בוי־אַרבעטער, שטוקאַטאָר, בויטישלער, אַר־

מאָטאָר און אינסטאַלאַטאָר. צום טערמין אַרויסענדיקן די בויאָביעקטן — איז דער אינהאַלט פון אַרבעט־געוועט...

מיטן „וואַרשעווער בויונגס־טעמפּאָ" זענען אויך אָנגעשטעקט געוואָרן די אַרבעטערס פון אַלע אַנדערע פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער בײַם בויען זייערע שטעט, זייער אינדוסטריע און קולטור־צענטערס.

מיט גרויס שטאָלץ נעמט אויף דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק פון אונדזער לאַנד יעדע נײַע בויונג, וואָס קומט צו אין אונדזער הויפּטשטאָט; עס קומען אַהער טויזנטער אויספלוגן פון אַרבעטערס און פּויערים פון די גרעסטע שטעט ביז די פאַרוואָרפנסטע ווינקעלעך, צו באַוווּנדערן די גרויסע אויפבוי־עפּאָפּייע, וואָס ווערט געשאַפן אין וואַרשע. מיט רירנדיקער פרייד קוקן זיי זיך צו צו יעדן אויפטו, צו יעדן נײַ הויז, צו יעדער נייער גאַס, צום אויפוואַכנדיקן נײַעם לעבן.

עס איז באמת דאָ וואָס צו באַוווּנדערן. די וויזיע, וועלכע עס האָט אונדז געמאָלט מיט 10 יאָר צוריק באָלעסלאַוו ביערוט, ווערט אַ פאַקט. די הויפּטשטאָט האָט שוין כמעט פאַרהיילט די מלחמה־וווּנדן. 90 פּראָצענט פון די אינדוסטריעלע אָביעקטן זענען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג. די שטאָטישע און הינטערשטאָטישע קאָמוניקאַציע ווערט כסדר באַרײַכערט; די וואַסער־לייטונג, די גאַז־ און עלעקטרע־ליניעס — פונאַנדערגעבויט. עס איז צוריק אויפגעבויט געוואָרן די געזונטהייטס־דינסט, די שוץ איבער מוטער און קינד.

אַ קאָלאָסאַלע דערגרייכונג האָבן מיר אויפן געביט פון בילדונג און קולטור. אין 16 הויכשולן באַקומען בילדונג 31 טויזנט סטודענטן, ד"ה אויף אַ העלפט מער ווי פאַר דער מלחמה. מיר האָבן אין דער הויפּטשטאָט 59 וויסנשאַפטלעך פאָרשערישע אינסטיטוטן, 22 אַקאַדעמישע הײַזער, 367 גרונט־ליצעאַלע און פאַכשולן, 6,5 מיליאָן ביכער אין די ביבליאָטעקן, עטלעכע דרײַסיק טעאַטערס און קינאָס, 400 קלובן.

ווען מיר וועלן נאָך צוגעבן אַז אַ פינפטל פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג האָט באַקומען נײַע און מאָדערנע וווינונגען, וועלן מיר באַקומען אַ פול בילד פון די גרויסע ענדערונגען און איבערגעשטאַלטיקונגען, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין אונדזער הויפּטשטאָט פאַר די לעצטע 10 יאָר.

עס באַוווּנדערן די בויונג פון וואַרשע אַלע אונדזערע אויסלענדישע פרײַנד. די צענדליקער און הונדערטער דעלעגאַציעס, וואָס קומען דאָ אַהער פון אַלע וועלטטיילן, פאַראינטערעסירן זיך קודם כל מיט דער ראַשיקער אַנטוויקלונג פון אונדזער הויפּטשטאָט, דריקן אויס זייער גרעסטע אָנערקענונג פאַר אַלץ וואָס קומט בײַ אונדז פאָר און באַזונדערס פאַר דער אומדערמידלעכער, שעפערישער מי פון העלדישן פאָלק.

אויסלענדישע פרײַנד באַוווּנדערן די נײַע וואַרשע

„די שטאָט מיט וועלכער עס האָט שטאָלצירט דאָס פּוילישע פאָלק, אַזוי האָט דערקלערט דער באַרימטער סאָוועטישער שרײַבער ניקאָלײַ טיכאָנאָוו — די שטאָט וואָס האָט געהאַט אַזעלכע פּרעכטיקע געבײַדעס, דענקמעלער, טעאַטערס, געבעטערטער און שולן, איז געוואָרן אַזוי צעשטערט דורך די פאַשיסטן, אַז אָפט מאָל איז שווער געווען זיך צו אָריענטירן אין די רוּינען, עס איז שווער געווען פעסטצושטעלן וואָס פאַר אַ גאַס דאָס איז, וואָס פאַר אַן אָרט.

„עס זענען פאַרבײַ יאָרן און איבער די מאַיעסטעטישע וואַסערן פון דער אַלטער ווײַסל הייבט זיך אויף די פּרעכטיקע שטאָט מיט די פילשטאָקיקע הײַזער, ברייטע גאַסן, נײַע בריקן, און איבער זיי בלאַנקט די מאשט פונעם פּאַלאַץ פון פעלקערפרײַנדשאַפט וואָס זעט זיך העט־ווייט איבער די גרענעצן פון וואַרשע.

„אין טאָג פון 17טן יאַנואַר פילן די סאָוועטישע מענטשן פּונקט אַזוי די זעלבע פריידיקע גערירטקייט, לעבן איבער פּונקט אַזוי ווי דער דערהויבענע און טראַגישע טעג פול מיט רומקאַמפן פאַר וואַרשע, ווי די וואַרשעווער אײַנוווינערס גופא.

„מיר פראַנצויזן — האָט געזאָגט דער וויצעפאָרזיצער פון פּאַריזער שטאָטראַט אָגיסט מאַרבאָף — וועלכע האָבן מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ אָבסערווירט די לאַנגדויערנדיקע שרעקלעכע ליידן פון אײַער שטאָט און די שווידערלעכע טעג פון דער דײַטשער אָקופּאַציע; מיר, וואָס האָבן געוויינט דערוויסנדיק זיך וועגן דער כמעט פולשטענדיקער פאַרניכטונג פון אײַער הויפּטשטאָט, זעען איצט נאָך 10 יאָר די שטאָט וואָס האָט באַוויזן אויף אַ וווּנדערלעכן אופן צו דערוואַכן פון שטויב.

„מיר דריקן אויס אונדזער אַנטציקונג לגבי דער גאַנצער באַפעלקערונג פון וואַרשע, ווײַל מיר ווייסן, אַז קודם כל זענען איר פּאַטריאָטיזם און די הייסע ליבשאַפט פאַר דער טײַערער הויפּטשטאָט געווען דער צעמענט, וואָס האָט געהאָלפן אַזוי שנעל אויפצובויען אײַער שטאָט פון די שרעקלעכע רוּינען.

„עס האָט זיך פּשוט נישט געוואָלט גלייבן אַז וואַרשע וועט מער נישט עקסיסטירן! און אָט זעען מיר זי אַן אויפגעבויטע, וואָס ציט צו זיך די געפילן פון פרײַנדשאַפט און באַוווּנדערונג פון דער גאַנצער וועלט."

„ווען איך בין געקומען קיין וואַרשע — האָט דערקלערט דער באַרימטער מעקסיקאַנער קינסטלער איגנאַסיאָ מאַרקעס ראָדילעס — איז אַנטשטאַנען בײַ מיר די ווײַטערדיקע פראַגע: צי מײַנע אײַנדרוקן וועלן זײַן אין הסכם דערמיט, וואָס מען רעדט בײַ אונדז וועגן וואַרשע? דער פּשוטער ענטפער אויף דער דאָזיקער פראַגע איז: דאָס וואָס דאָ איז געוואָרן אויפגעטאָן, איז באמת פונדאַמענטאַל, מער ווי מיר האָבן זיך געקאָנט פאָרשטעלן אין אונדזער לאַנד. די שווידערלעכע וווּנדן פון דער מלחמה פאַרשווינדן, די שטאָט אַנטוויקלט זיך אַ שיינע, אַ יונגע, פול מיט ענטוזיאַזם און גלויבן אין דער צוקונפט.

„דאָס העלדישע וואַרשעווער פאָלק האָט באַשלאָסן אויפצובויען זײַן אוראַלטע הויפּטשטאָט און האָט דאָס דערגרייכט, אַרויסווײַזנדיק אַן אומגעהײַערע פּיעטעט לגבי די דענקמעלער פון דער פאַרגאַנגענהייט, אײַנהאַלטנדיק דעם סטיל פון דער אַלטער וואַרשע, איר טראַדיציאָנעלע אורבאַניסטיק, ווי אויך דעם אַזוי כאַראַקטעריסטישן אויסזען פון דער שטאָט מיט איר טויזנטיאָריקער טראַדיציע.

„מיר דריקן אויס באַוווּנדערונג פאַרן אומגעזעענעם אָנשטרענג, פאַרן שעפערישן געדאַנק פון די בויערס פון דער הויפּטשטאָט וואָס קיניגט איבער דער ווײַסל; מיר קוקן מיט אַ פיל גרעסערער גערירטקייט, ווי עס וואַקסט דאָ דער נײַער מענטש, דער בעל־הבית איבער זײַן אייגענעם גורל, אַ פרײַער און גליקלעכער. דאָס הומאַניסטישע שעפערישע ווערק אין דער באַפרײַטער וואַרשע איז איינס פון די גרעסטע, וואָס מיר האָבן געזען אין אונדזער לעבן."

די יידישע באַפעלקערונג אין וואַרשע

צו גלײַך מיטן אויפבוי פון אַלגעמיינעם לעבן אין דער הויפטשטאָט איז אויך אויפגעבויט געוואָרן דער יִדישער יִשוב. אַלץ מער יִדישע מענטשן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אויף דער אַ"ג אַרישער זײַט, פאַרטיזאַנערס וואָס זענען געקומען פון די וועלדער און זיך אומגעקערט פון ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן גענומען זיך אײַנאָרדענען אין דער הויפטשטאָט. מערסטנס זענען דאָס געווען וואַרשעווער תושבים. פון אָנהייב איז דער צענטער פון יִדישן לעבן געווען דער פראַגער וווינונגס־קוואַרטאַל ווײַל דאָ איז לײַכטער געווען צו באַקומען אַ דירה. אַ היפשע צאָל יִדישע אײַנוווינערס האָט זיך קאָנצענטרירט אויף די אַמאָליקע יִדישע גאַסן: טאַרגאָווע, זאָמבקאָווסקע, בזשעסקע און סטאַלאָווע. אויף טאַרגאָווע־גאַס נומ' 44 האָט זיך געפונען אין אַ גרויסן לאָקאַל די וואַרשעווער אָפטיילונג פון „צענטראַל־קאָמיטעט פון די יִדן אין פוילן", וועלכע האָט געפירט אַ ברייט פאַרצווײַגטע טעטיקייט צווישן דער יִדישער באַפעלקערונג אין וואַרשע. דאָ אויף פראַגע זענען טאַקע אַנטשטאַנען די ערשטע אַרבעטס־קאָאָפעראַטיוועס פאַר שנײַדערײַ, טעקסטיל, האָלץ און אַנד' אויסאַרבעטונגען, ווו עס זענען באַשעפטיקט געוואָרן אַ היבשע צאָל יִדישע מענטשן.

מיטן מאָמענט פונעם מאָביליזירן זיך פון יִדישן יִשוב אין נײַעם פוילן האָט מען אַ חוץ דעם פאַרזיכערן זיך די מאַטעריעלע באַדינגונגען, גענומען טראַכטן אויך וועגן קולטורעל אויסלעבן זיך. אויף יאַגעלאָנסקע 28 איז אויפגעבויט געוואָרן אַ פרעכטיק יִדיש קולטורהויז מיט אַ פײַנעם טעאַטער־זאַל; דאָ זענען פאָרגעקומען אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען פון די יִדישע מענטשן, ליטעראַרישע פרימאָרגנס, פײַערלעכע אַקאַדעמיעס, געלעגנהייטס־אָוונטן. אין דעם דאָזיקן זאַל איז אויך פיל מאָל אויפגעטראָטן דאָס מלוכישע יִדישע טעאַטער.

דערנעבן אין דער גרויסער 4 שטאָקיקער געבײַדע, איז אַנטשטאַנען אַ יוגנטהיים פאַר יִדישע יתומים, אַ קינדערהיים, אַ יִדישע שול.

מיט דער צײַט איז דער צענטער פון יִדישן יִשוב אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין מיטלשטאָטישן ראַיאָן פון וואַרשע. עס האָט אויך שטאַרק גענומען וואַקסן די צאָל יִדן, וואָס זענען פון אַלע עקן לאַנד געקומען קיין וואַרשע אַרבעטן. אַ גרויסער טייל יִדישע מענטשן האָבן זיך אײַנגעאָרדנט אין דער אינדוסטריע, אין האַנדל, אין די אינסטיטוציעס און אַמטן, דערין אַ באַדײַטנדיקע צאָל אין דער ערשטער אין פוילן פאַבריק פון פאַסאַזשיר־אויטאָס, אין דער כעמישער אינדוסטריע, אין דער ראַדיאָ־פאַבריק, אין די פאָליגראַפישע אונטערנעמונגען. די ווײַט גרעסטע מערהייט יִדישע מענטשן איז פראָדוקטיוויזירט.

דער גרעסטער טייל יִדן האָבן באַקומען נײַע דירות אין די אויפגעבויטע קוואַרטאַלן. איר וועט הײַנט טרעפן יִדישע מענטשן אין אַלע ראַיאָנען פון דער שטאָט: אין מוראַנאָוו, — דער געוועזענער יִדישער ראַיאָן, — אין מאָקאָטאָוו, אין מיטלשטאָט, אין מירוּוו, מלינאָוו, וואָליע, אָכאָטע. די יִדן האָבן רעכט צו וווינען ווו עס געפעלט זיי און ווו ס'איז זיי באַקוועם, נאָענט פון דער אַרבעט.

אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט, אויף דער קרייצונג פון די גאַסן יערוזאַלימער אַלייען און בראַצקע געפינט זיך דער שטאַב פון דעם יִדישן יִשוב אין פוילן — די הויפט־פאַרוואַלטונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. אין 5שטאָקיקן הויז פאַרנעמען לאָקאַלן דער פאַרלאַג „יִדיש בוך", די רעדאַקציע „פאָלקס־שטימע", און „יִדישע שריפטן", די יִדישע שרײַבער־גרופע בײַם פוילישן ליטעראַטן־פאַראיין. פון דאַנען ציִען זיך די פעדעם צו אַלע יִדישע יִשובים אין גאַנצן לאַנד; דאָ ווערן אויסגעאַרבעט די פלענער פון דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט צווישן דער יִדישער באַפעלקערונג, פון דאַנען גייט זיך פונאַנדער דאָס פראָגרעסיווע יִדישע וואָרט איבערן גאַנצן פוילישן היימלאַנד און איבער דער גאָרער וועלט.

אין דעם שיינעם זאַל פון יִדישן פאָלקסקלוב אין וואַרשע קומען זיך צונויף יעדע וואָך יִדישע מענטשן אויסהערן אַ רעפעראַט, אָנטייל נעמען אין אַ שמועס אויף אַקטועלע פאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס, שפילן שאָך, פאַרברענגען אויף אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן אָוונט.

אינעם לייענזאַל פון קלוב געפינט זיך די גאַנצע פרעסע פון לאַנד און אויסלאַנד, דערין די ניו־יאָרקער „מאָרגנפרײַהייט", דער אורוגווײַער „פריינד", דאָס קאַנאַדער „וואָכנבלאַט", די פּאַריזער „נײַע פרעסע", די תל־אביבער „פרײַ ישראל" און „קול העם", ווי אויך די ליטעראַרישע צײַטשריפטן „יִדישע קולטור" און „איקוף" פון ניו־יאָרק און פון בוענאָס־אײַרעס, און אַנדערע. דאָ געפינט זיך אויך אַ רײַכע יִדישע ביבליאָטעק, פון וועלכער עס גענימען די יִדישע מענטשן.

אויף דער געוועזענער טלאָמאַצקע־גאַס, הײַנט די גאַס אַ"נ פון גענעראַל שוויערטשעווסקי, געפינט זיך די געבײַדע פון יִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט. דאָ ווערט געפירט אַ ברייט־פאַרצווײַגטע פאָרשערישע אַרבעט סײַ וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע און ווידערשטאַנד פון דער יִדישער באַפעלקערונג אין דער צײַט פון דער היטלעריסטישער אָקופאַציע, סײַ וועגן דער געשיכטע פון די יִדן אין פוילן.

דער יִדישער היסטאָרישער אינסטיטוט איז הײַנט ברייט באַקאַנט נישט בלויז צווישן דער יִדישער, נאָר אויך צווישן דער פוילישער באַפעלקערונג מיטן אַרויסגעבן וויכטיקע פובליקאַציעס די „בלעטער פאַר געשיכטע", אַ ביולעטין אין דער פוילישער שפּראַך און אַנדערע, מיטן אָרגאַניזירן די אויסשטעלונג וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. נישט געקוקט דערויף וואָס די דאָזיקע אויסשטעלונג איז אָפן העכער אַ יאָר צײַט, הערן נישט אויף זי צו באַזוכן עקסקורסיעס און יחידים. די אויסשטעלונג האָבן שוין באַזוכט איבער הונדערט טויזנט מענטשן, דערין פיל אַרבעטערס, פויערים, מיליטער־לײַט, שילערס פון די שולן, אַרבעטנדיקע אינטעליגענץ און פיל אויסלענדישע דעלעגאַציעס, וועלכע האָבן געגעבן אַ הויכע אָפשאַצונג פון דער אויסשטעלונג, באַצייכענענדיק זי אַלס וויכטיקן פאַקטאָר אין קאַמף פאַר שלום.

אַ דעלעגאַציע פון ראַטן־פאַרבאַנד, וועלכע איז געקומען קיין וואַרשע אין שײַכות מיט די פײַערונגען פונעם „חודש פון פויליש־סאָוועטישער פרײַנדשאַפט", האָט נאָכן באַזוכן די אויסשטעלונג פאַרשריבן אינעם אָנדענקבוך:

„מיר וועלן קיין מאָל נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל זיך איבערחזרן די פאַשיסטישע בעסטיאַלישקייטן". אַ גרופע סאָוועטישע מענטשן, בויערס פונעם מאָנומענטאַלן פאַלאַץ פאַר קולטור און וויסנשאַפט אין וואַרשע, האָט פאַרשריבן: „רום און כבוד די העלדישע קעמפערס פון וואַרשעווער געטאָ".

די אויסשטעלונג האָבן באַזוכט גרעסערע גרופעס פון די סקאַנ־

דינאַווישע לענדער, פון קאָרעע, טשעכאָסלאָוואַקיע, ישראל, בולגאַריע, פראַנקרייַך און אַנדערע.

אַ גרופע אַרבעטער־טוערס פון שוועדן, דאַנעמאַרק און פינלאַנד האָט אונטערן איינדרוק פון דער אויסשטעלונג פאַרשריבן אינעם אָנדענקבוך: „מיר זענען אויפגעשוידערט דערפון וואָס מיר האָבן געזען אויף דער אויסשטעלונג; מיר דריקן אויס אונדזער סאָלידאַריטעט מיט דער ייִדישער באַפעלקערונג”.

אַ דעלעגאַציע פון בולגאַריע, וועלכע איז געקומען אויף אַן אויספלוג קיין פוילן, האָט נאָכן באַזוכן די אויסשטעלונג אין ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט, אַרייַנגעשריבן די דאָזיקע ווערטער:

„מיר בייגן די קעפ פאַר די אומגעקומענע העלדישע קעמפערס פון וואַרשעווער געטאָ און שיקן איבער אַ גרוס דער לעבנסגעבליבענער ייִדישער באַפעלקערונג אין פאָלקס־פוילן”.

אַ צאָלרייַכע גרופע אינטעלעקטואַלן, דאָקטוירים און אַרבעטער־טוערס פון פראַנקרייַך האָט דערקלערט: „די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ זענען פאַר אונדז אַ סטימול צום פאַרשטאַרקן דעם קאַמף פאַר שלום און פרייַנדשאַפט אויף דער גאַנצער וועלט”.

אַ הייליק אָרט פאַר יעדן איינוווינער פון דער הויפטשטאָט איז דער דענקמאָל פון די אויפשטענדלערס אין וואַרשעווער געטאָ, וועלכער געפינט זיך צווישן דער אַניעלעוויטש־ און זאַמענהאָף־גאַס. יעדעס יאָר, דעם 19טן אַפריל, קומען אויף דעם אָרט פאָר גרויסע פייַערלעכקייטן. די ייִדישע און פוילישע באַפעלקערונג לייגט קרענץ צופוסנס פון דענקמאָל, די מיליטערישע ערנוואַך גיט אָפ כבוד די געפאַלענע אויפשטענדלערס. צו די דאָזיקע פייַערלעכקייטן קומען אויך דעלעגאַציעס פון גאַנצן לאַנד. אין יאָרטאָג פון אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ גיט דער פוילישער ראַדיאָ ספעציעלע אוידיציעס געהייליקט דער דאָזיקער היסטאָרישער דאַטע און די גאַנצע פרעסע פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און גרעסערע באַשרייַבונגען פון יענע אומפאַרגעסלעכע טעג. אין די שולן, פאַבריקן און מיליטערישע אָפטיילונגען קומען פאָר שמועסן וועגן די רומפולע קעמפערס „פאַר אייַער און אונדזער פרייַהייט”.

דעם דענקמאָל פון די אויפשטענדלערס אין וואַרשעווער געטאָ באַזוכן צאָלרייַכע דעלעגאַציעס פון לאַנד און אויסלאַנד. איינע פון די דעלעגאַציעס פון דער דייַטשער דעמאָקראַטישער רעפובליק האָט בייַם באַזוכן דעם דענקמאָל געגעבן אַ שבועה צו קעמפן מיט אַלע כוחות קעגן פאַשיזם און אימפעריאַליסטישער מלחמה.

צוזאַמען מיטן גאַנצן פאָלק העלפט די ייִדישע באַפעלקערונג אויפבויען און איבערבויען די הויפטשטאָט. יעדעס יאָר, אין טראַדיציאָנעלן סעפטעמבער־חודש, נעמען די ייִדישע מענטשן אָן אַקטיוון אָנטייל, צוזאַמען מיט זייערע פוילישע חברים פון פאַבריק און וואַרשטאַט, אינסטיטוציע און לערן־אַנשטאַלט, בייַם אָפרוימען די נאָך פאַרבליבענע חורבות און גרייטן צו אַ פלאַץ פאַר נייַע בויונגען. מיט דער הילף פון דער וואַרשעווער באַפעלקערונג איז אויפגעבויט געוואָרן אַ טייל פונעם פרעכטיקן פאָווישלער פאַרק פאַר קולטור און אָפרו. מיטן אָנשטרענג פון די ייִדישע יוגנטלעכע בריגאַדעס איז אָפגערייניקט געוואָרן פון חורבות די גענשע־גאַס און עס איז געמאַכט געוואָרן אַ וועג פאַר פוסגייערס און טראַנספאָרט צום געטאָ־דענקמאָל.

איצט העלפן די פוילישע און ייִדישע באַפעלקערונג באַשייַנען די שטאָט מיט בלומען און גרינס, פאַרפלאַנצן מיט ביימלעך און קוסטעס.

אין וואַרשע געפינט זיך אויך דער וועד־הקהילות פון פוילן, דער הויפט־ראַבינאַט און די גרויסע נאָזשיק־שיל, די איינציקע וואָס איז אָפגעראַטעוועט געוואָרן פון חורבן.

ווי אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר אונדזער גרויס שלום־ווערק, וואָס מיר בויען, איז וואַרשע אויסגעצייכנט געוואָרן דורכן אַלוועלטלעכן שלום־ראַט מיטן אינטערנאַציאָנאַלן שלום־פריז. די דאָזיקע הויכע אויסצייכענונג פון דער העכסטער קערפערשאַפט פון דער שלום־באַוועגונג גיט צו אַ נייַעם מוט און שעפערישע כוחות די העלדישע בויערס פון וואַרשע.

זייַענדיק פאַרטאָן אין דער גיגאַנטישער פרידלעכער בויונג, שטייען די אַרבעטנדיקע מאַסן אויף דער וואַך, כדי נישט צו דערלאָזן די פינצטערע כוחות פאַרווירקלעכן זייערע וויסטע פלענער וועגן צוריקאויפשטעלן די נעאָנאַצישע ווערמאַכט — די שולדיקע אין פאַרניכטן אונדזער הויפטשטאָט און אומברענגען אירע איינוווינערס, דערין דעם 300טויזנט קעפיקן וואַרשעווער ייִדישן ייִשוב. דורך אָנגעשטרענגטער אַרבעט בייַם בויען סייַ די הויפטשטאָט און סייַ דאָס גאַנצע פוילישע היימלאַנד גיבן די אַרבעטנדיקע מאַסן אַ גרויסן צושטייַער צו פאַרפעסטיקן די שוצקראַפט פון פאָלקס־פוילן און צו פאַרשטאַרקן דעם שלום אויף דער וועלט.

ג. קעניג (פאַריז)

אין וואַרשע, פעברואַר 1945

פעברואַר 1945 אין וואַרשע. די פוילישע הויפטשטאָט, וואָס איז ערשט קוים אַ חודש באַפרײַט געוואָרן דורך די זיגרײַכע אַרמייען פון מאַרשאַל ראָקאָסאָווסקי, שטעלט מיט זיך פאָר איין גרויזאַמען הויפן פון חורבות. אונטער די חורבות — וויפל צענדליקער טויזנטער קערפער פון די, וואָס די נאַצישע באָמבעס, שראַפנעלן און גראַנאַטן האָבן אומגעבראַכט?

בלויז איין צײַטווײַליקע, אין געאײַל אויפגעשטעלטע בריק, פאַראייניקט די שטאָט פראַגע מיט דער שטאָט וואַרשע. די דאָזיקע בריק איז נאָר אַ פאָר שעה אין טאָג אָפן פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג. אַ גאַנצן מעת־לעת ציִען דורך איר די מיליטערישע אָפטיילן פון דער סאָוועטישער אַרמיי און פון דער יונגער פוילישער פאָלקסאַרמיי. זיי אײַלן אין דער ריכטונג פון מיזרח־פרייסן, אין דער ריכטונג פונעם האַרץ פון דער צום טויט פאַרוווּנדעטער היטלעריסטישער בעסטיע, כדי צו פאַרענדיקן דאָס באַפרײַען אייראָפע און די וועלט פון דער פאַשיסטישער שקלאַפערײַ.

אָבער אַ גאַנצן טאָג ציט זיך פון פראַגע קיין וואַרשע אַן אומאויפהערלעכער צוג פון ציווילע. דאָס זענען צום מערסטן פרויען און קינדער. דאָס אײַז אויף דער ווײַסל נעמט שוין צעגיין אונטער די ערשטע שטראַלן פון דער בלאַסער זון. בלויז אַ שמאָלער זיגזאַגישער פאַס פאַרהאַרטעוועטער אײַז איז פאַרבליבן, ווי צו דערמעגלעכן פאַר אָט די טויזנטער און טויזנטער מענטשן דאָס עולה־רגל זײַן אין זייער געבוירן־שטאָט.

אַ שוידערלעך בילד שטעלט מיט זיך פאָר דאָס וואָס איז אַ מאָל געווען איינע פון די גרעסטע שטעט אין אייראָפע. בלויז דאָ און דאָרט איז געבליבן שטיין אַ גאַנצע געבײַדע, וואָס שטרײַכט נאָך מער אונטער מיט איר קאָנטראַסט, מיט איר פאַריתומטקייט, די רויִנען פון אַרום. איר בלאָנדזשעט איבער דעם, וואָס איז אַ מאָל געווען אַ גאַס, אַן אַלייע, איר שטרענגט אָן דעם זכרון: וווּ געפינט איר זיך איצט? וואָס פאַר אַ געגנט איז דאָס אַ מאָל געווען אין דעם שיינעם וואַרשע, וואָס איז געווען באַוווינט פון אַ מיליאָן מענטשן?

און אָט קומט איר צו צום סאַמען עלנטסטן, צום סאַמע פאַרניכטעטסטן טייל פון דער שטאָט: דאָס איז אַ מאָל געווען דער ייִדישער קוואַרטאַל: די נאַלעווקעס, דער מוראַנאָוו, דזשיקע און ניזקע... דער הימל איז איצט טריב און פאַרוואָלקנט און עס דאַכט זיך אײַך, ווי פון אָט די בערג חורבות נעמען אַרויסגיין ייִדישע מאַמעס, טאַטעס, קליינע קינדער... עס שטייען אויף טויזנטער, מיליאָנען קדושים... עס וואַקסן אויס די סילועטן פון די גבורים, די העלדן פונעם געטאָ־אויפשטאַנד...

פון דער אומהדיקער שטילקייט פון די געטאָ־רויִנען גייען אויף צו אײַך ווײַטע שטימען: געוויין? געזאַנג? לעצטער שטאָלצער באַפעל פון אַן אויפשטענדלער, פאַרן וואַרפן זיך קעגן אַ נאַצישן טאַנק?...

צווישן די בערג ציגל און זאַמד באַוועגן זיך דאָ און דאָרט מענטשן. זיי האָבן אויפגעזוכט דאָס אָרט וואָס איז אַ מאָל געווען זייער היים. זיי נישטערן צווישן די חורבות, וועלנדיק געפינען עפעס וואָס איז געווען אייגנס. זיי טרעפן זיך אָן אויף אַ קינדעריש מאַנטעלע, אויף אַ שיכל, אויף אַ מענטשלעכן שאַרבן...

אַ ביסל ווײַטער, בײַם הויפטוואָקזאַל, שטייען גרופעס מענטשן. מען רעדט שטיל, געדעמפט ווי אויף אַ בית־עולם. מען איז קוים אַרויס פון קאָשמאַר. מען גלייבט זיך נישט צו, אַז מען איז צווישן די לעבעדיקע, אַז אַרום לויערט נישט מער די געשטאַפאָ, די ס"ס, אַז מען איז פרײַ, ענדלעך פרײַ, באַפרײַט אַ דאַנק דער זיגרײַכער סאָוועטישער אַרמיי.

צוריק אין פראַגע, איבער דער אימפראָוויזירטער „אײַזבריק”. איבער די שאָסייען ציִען זיך אומאויפהערלעך שווערע טאַנקען, די טאַנקען פון דער יונגער פוילישער פאָלקסאַרמיי, טאַנקען, אויסגעאַרבעטע אין די סאָוועטישע פאַבריקן.

עס זענען שוין דאָ איצט פאַרבײַגעפאָרן מער פאַנצער־וועגנער, ווי די גאַנצע אַרמיי פון רידז־שמיגלי האָט פאַרמאָגט אין 1939... — זאָגט מיר אַ פוילישער אָפיציר. — די ענגלענדער און „אײַערע” פראַנצויזן האָבן זיך נישט געאײַלט אונדז צו ליפערן... און וואָס שייך „אונדזער” רעגירונג דעמאָלט...

— די ענגלענדער... — רײַסט אים איבער אַ צווייטער, אַן עלטערער פוילישער באַנאַרבעטער — ווען זיי און די אַמעריקאַנער וואָלטן וועלן, וואָלט די מלחמה שוין לאַנג געווען פאַרענדיקט, וואָלט שוין מיט צוויי, מיט דרײַ יאָר צוריק וואַרשע געווען באַפרײַט... וויפל מיליאָנען מענטשן וואָלטן געקענט געראַטעוועט ווערן!... און אונדזער וואַרשע וואָלט נישט אַזוי אויסגעזען — ווײַזט ער מיט דער האַנט אין דער ריכטונג פון ריזיקן אומענדלעכן הויפן חורבות אויף יענער זײַט ווײַסל, וואָס קוקט אַהער פון דער אָוונטיקער טונקלקייט מיטן פאַרשטאַרטן בליק פון פאַרגלייזטע אויגן פון אַ בר־מנן.

... און אויף ס'נײַ ציִען זיך שווערע וועגענער. דאָס מאָל זענען עס גרויסע סאָוועטישע לאַסטאויטאָס.

— דאָס ברענגען זיי תבואה פֿאַר דער באַפֿעלקערונג — זאָגט מיר מײַן באַגלייטער — אַ מתנה פֿון סטאַלינען פֿאַרן באַפֿרײַטן פֿאָלק...

דעם זעלבן אָוונט אויפֿן וואָקזאַל פֿון פּראַגע. פֿול מיט מענטשן אינעווייניק און אויך אין דרויסן. מען וואַרט אויפֿן צוג קיין לובלין. וועט ער הײַנט אָפּפֿאָרן? אָדער מאָרגן?

פֿאַרשידנאַרטיק איז דער עולם: מיליטער־לײַט און ציווילע פֿראַנצויזישע קריגס־געפֿאַנגענע און דעפּאָרטירטע, אָפּגעראַטעוועטע דורך דער סאָוועטישער אַרמיי. אָט באַקענט מען זיך מיט אַ ייִדישן יונגן־מאַן, וואָס איז ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק אַרויס פֿון אַ בונקער, לעבן דער ציטאַדעל. ער איז געבליבן איינער פֿון 9, וואָס האָבן צוויי יאָר צײַט „געלעבט" אין דאָזיקן בונקער. פֿיר וואָכן נאָך דער באַפֿרײַונג פֿון וואַרשע האָט ער נאָך נישט געוווּסט אַז ער איז פֿרײַ...

אין אונדזער ווינקל פֿירט זיך אַ לעבהאַפֿטע דיסקוסיע.

— היטלער האָט געזאָגט — רופֿט זיך אָפּ אַן אַרבעטער — אַז וואַרשע וועט אָפּגעמעקט ווערן אויף אייביק, זי וועט קיין מאָל מער נישט עקסיסטירן... ער האָט זי טאַקע אָפּגעמעקט, אָבער עקסיסטירן וועט זי און וועט נאָך זײַן שענער און גרעסער ווי פֿריִער...

אַ יונגער סאָוועטישער אָפֿיציר דערציילט וועגן די היטלעריסטישע באַרבאַרײַען אינעם טייל ראַטן־פֿאַרבאַנד, וואָס זיי האָבן אָקופּירט:

— פֿון סטאַלינגראַד ביז דער פּוילישער גרענעץ האָב איך באַגעגנט בלויז חורבות. אונדזער ערד איז אַדורכגעווייקט מיט טײַכן אומשולדיק בלוט... יאָ, מיר פֿאַרשטייען אײַער ווייטיק. אונדזער קאַמף איז אַ געמיינזאַמער. דער חבר סטאַלין האָט אונדז געשטעלט אַלס אויפֿגאַבע נישט בלויז צו באַפֿרײַען אונדזער סאָוועטישע טעריטאָריע, נאָר אויך העלפֿן באַפֿרײַען די פֿעלקער פֿון אַנדערע לענדער, וואָס שמאַכטן אונטערן היטלעריזם... די רעגירונג פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד — האָט סטאַלין געזאָגט אין אַן ענטפֿער צו אַן אויסלענדישן קאָרעספּאָנדענט אין יאָר 1943 — ווינטשט צו זען אַ שטאַרק און אומאָפּהענגיק פּוילן נאָך דער מפּלה פֿון היטלערישן דײַטשלאַנד".

— דאָס וועט שוין מער נישט זײַן דאָס פּוילן פֿון די פּאַנעס, פֿון דער סאַנאַציע, פֿון די בעקס — באַמערקט מיט איבערצײַגונג אַ פּוילישער סאָלדאַט.

ער ווײַזט מיר דעם טעקסט פֿונעם „מאַניפֿעסט פֿון 22טן יולי". מײַן בליק פֿאַלט אויף די ווערטער:

„דאָס אויפֿבויען די פּוילישע מלוכישאַפֿט באַזירט זיך אויף דעם אומקער פֿון די דעמאָקראַטישע פֿרײַהייטן, אויף דער גלײַכהייט פֿון אַלע בירגער, אָן אונטערשיד פֿון ראַסע, גלויבן און נאַציאָנאַליטעט. די דעמאָקראַטישע פֿרײַהייטן קענען נישט דינען די שונאים פֿון דעמאָקראַטיע. פֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס וועלן ווערן אויסגעראָטן מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט פֿון געזעץ".

יאָרן זענען אַדורך זינט דעמאָלט. דאָס חרובע וואַרשע בויט זיך צוריק אויף מיט אויסערגעוויינלעכע טעמפּן. דאָס גאַנצע לאַנד איז אין רושטאָוואַניעס. נײַע שטעט, נײַע פֿאַבריקן און גרובנס. עס איז אויפֿגעשטאַנען אַ נײַ פּוילן, ווו דאָס פֿאָלק איז בײַ דער מאַכט און מאַרשירט צום סאָציאַליזם.

אויסגעראָטן אינעם לאַנד גופֿא, לויערט דער שונא פֿון דרויסן. ער לויערט אויף די גרענעצן פֿון נײַעם פּוילן. די היטלערישע גענעראַלן, די פּרײַסישע יונקערס, די קרופּס און די אַדענאַוערס חלומען און רעדן הויך וועגן רעוואַנש. הינטער זיי שטייט דער בעל־הבית — דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם, וואָס וויל צוריק אויפֿשטעלן די נאַצישע ווערמאַכט און וואָס טרײַבט די מערבֿ־דײַטשע יוגנט צו אַ נײַער מלחמה.

„די אַמעריקאַנער מאַכט — האָט געשריבן דער וואָל־סטריט־אָרגאַן „ניו־יאָרק טיימס" — באַטראַכט גינסטיק די פֿאָדערונגען פֿון באָן אויף די מיזרח־טעריטאָריעס, ווײַל זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר אַ פּרוּוו פֿון דער פֿעדעראַלער רעפּובליק צו גרופּירן די אַלע, וואָס קעמפֿן קעגן קאָמוניזם"...

זיי שאַרפֿן די ציין אויף דער גרענעץ פֿון אָדער־ניסע אַלס אַן ערשטן עטאַפּ פֿאַר זייערע רעוואַנשפּלענער קעגן די פֿאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער, קעגן ראַטן־פֿאַרבאַנד.

דאָס באַפֿרײַטע פּוילישע פֿאָלק וועט אָבער נישט לאָזן אָנרירן זײַנע גרענעצן, וואָס זענען די גרענעצן פֿון שלום. דאָס נײַע פּוילן איז נישט אַליין. עס איז אַרומגערינגלט מיט פֿרײַנדשאַפֿט און ליבע פֿון זײַנע שכנים — דעם מעכטיקן ראַטן־פֿאַרבאַנד, די טשעכאָסלאָוואַקישע רעפּובליק און די דײַטשע דעמאָקראַטישע רעפּובליק.

דאָס נײַע פּוילן געניסט פֿון דער סימפּאַטיע פֿון אַלע אַרבעטנדיקע אין דער וועלט, פֿון אַלע אָנהענגער פֿון שלום.

מאַנעס שײנבוים (בועַנאָס־אײַרעס)

בײַם אָפּדעקן דעם מאָנומענט פֿון די קדושים אין וואַרשע

דעם 19טן אַפּריל 1948

ס'איז שווער, זייער שווער, זיך פֿאָרצושטעלן זאַכן וואָס מ'האָט נישט געזען, בפֿרט נאָך ווען די זאַכן שטעלן מיט זיך פֿאָר דאָס ליבע און שיינע, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט טויזנטער פֿעדעם מיטן יונגן לעבן פֿון די ערשטע צוואַנציק יאָר, וואָס זענען געווען פֿול מיט שטורמישן קאַמף אויף די גאַסן פֿונעם ייִדישן וואַרשע.

איך האָב מיט מײַנע אויגן געזען דעם שרעקלעכן חורבן, איין גרויסע חורבה וואָס ס'איז געבליבן פֿון דעם אַמאָליקן וואַרשע. אָט שטייען מיר ראָג דזשיקע און גענשע, אויפֿן אָרט ווו עס געפֿינט זיך דער מאָנומענט פֿון די געטאָ־קדושים. פּונקט אַקעגן איבער איז ווי דורך אַ ווונדער געבליבן דער צעבראָכענער טויער פֿון דער מיליטערישער טורמע, געבליבן אַ שטומער עדות אויף אַ פּוסטן און ליידיקן פּלאַץ, פֿול מיט צעבראָכענע ציגל און גרויז.

אָט טאַקע דורך דעם טויער האָט מען טויזנטער ייִדן אַרײַנגעפֿירט דערשאָסן צו ווערן. אָט טאַקע דורך דעם טויער זענען טאָג טעגלעך דורכגעגאַנגען די מיטגלידער פֿונעם „יודענראַט" און זייער ייִדישע פּאָליציי. אַ ביסל ווײַטער, אויף דזשיקע ראָג סטאַווקע האָט זיך געפֿונען דער געוועזענער „דאָס־פּשיטולעק" וואָס די נאַציס האָבן פֿאַרוואַנדלט אינעם „אומשלאַג־פּלאַץ", פֿון וואַנען מ'האָט הונדערטער טויזנטער פֿון אונדזער פֿאָלק געפֿירט אין די גאַזקאַמערן און קרעמאַטאָריעס.

עטלעכע שפּאַן פֿון דאַנען אויף גענשע ראָג נאַלעווקעס האָבן אונדזערע אויפֿשטענדלערס צוגעטיילט די ערשטע און גרעסטע מפּלה די נאַציס.

עס קומען איצטער הונדערטער דעלעגאַציעס מיט בלומענקרענץ, אָבער איך באַמערק זיי ניט. איך זע נישט דעם ים מענטשן וואָס זענען געקומען בייגן זייערע קעפּ פֿאַרן סימבאָל פֿון העלדישקייט און מאַרטירערטום. פֿאַר מײַנע אויגן שוועבט אַדורך דאָס געוועזענע וואַרשע, מײַן היימשטאָט, דאָס רוישיקע לעבן פֿול מיט גײַסטיקן שאַפֿן, דער צענטער און די לאַבאָראַטאָריע פֿון דער ייִדישער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפֿטלעכקייט.

איך קען נאָך אַלץ זיך נישט אָפּרײַסן מיט מײַן דמיון פֿון די בערג מיט קינדער שיכלעך, די סטויגן פֿרויענהאָר. וויפֿל צער און ווייטיק מוז מען איבערלעבן ווען מען זעט טרעבלינקע, מײַדאַנעק און אָשוויענטשים. איך בין געווען אין די גאַזקאַמערן, כ'האָב געזען אַלע אינקוויזיציע־פּלעצער, די באַראַקן מיט צענדליקער טויזנטער אָנצוגן, וואַליזקעס, שיך, ברילן און צײַנבערשטלעך. מ'האָט מיך געפֿירט איבער די וואַרשעווער „גאַסן". אויף אַ שמאָל סטעזשקעלע צווישן רייען בערג מיט ברוכוואַרג ווײַזט מיר אָן מײַן באַגלייטער אויף אַ שטייענדיקער לײַסט מיט אַ שילדל „קאַרמעליצקאַ". אָט דאָס אָ, דער אָ גרויסער מיסטקאַסטן איז דאָס געווען די שפּרודלדיקע שטאָט־אַרטעריע פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־גאַס? דאָ טאַקע האָט זיך געפֿונען דער גראָסער־קלוב, די אַרבעטער־היים, דער טעקסטיל־פֿאַראיין? אויף דער אָ סטעזשקע האָבן זיך צענדליקער יאָרן, מעת־לעת אײַן און אויס, געאײַלט טויזנטער ייִדישע אַרבעטער? אויף דעם גרויז זענען דאָס געשטאַנען די דרײַ גענעראַלשטאַבן פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־גאַס?

ס'פֿאַרקלעמט מיר דאָס האַרץ, מײַנע ברילן ווערן מיר פֿאַרלאָפֿן, מעכאַניש שטעק איך אַרײַן מײַן האַנט אין טאַש אַרײַן נאָך אַ טיכל. ווי אַ אָפּגעבריטער שפּרינגט אָפּ מײַן האַנט. אין מײַן קעשענע ליגט אַ שטיקל זייף „פֿון ריינעם יודענפֿעטס" וואָס מ'האָט מיר געגעבן פֿאַרן וואַרשעווער לאַנדסלײַט־פֿאַראיין. איך צעוויין זיך. נו טאַקע, ווער ווייסט פֿון וועמענס לײַבער דאָס פֿעטס שטאַמט. אפֿשר פֿון מײַן שוועסטער אָדער ברודער און אפֿשר פֿון איינעם פֿון מײַנע טײַערע יוגנט פֿרײַנד און חברים, אָדער גאָר פֿון אַלעמען צוזאַמען?!

אַ חבר וואָס שטייט לעבן מאָנומענט וועקט מיך איבער מיט זײַן האַנט אויף מײַן אַקסל. איך ציטער אויף אַזוי ווי פֿון הינערפֿלעט און הויך זאָג איך: ניין, דאָס טאָר זיך שוין מער נישט איבערחזרן, און דאָס איז געווען און געבליבן די שבֿועה פֿון אַלע וועמען עס איז ליב און טײַער זייער פֿאָלק.

יוסף סאַנדאַטש — סאַן פאַולאָ, בראַזיל

וואָס איך האָב געזען אין פאָלקס־פוילן

נישטאָ אין נייעם פוילן קיין באַדינגונגען פאַר אַנטיסעמיטיזם

צי איז פאַראַן אַנטיסעמיטיזם אינעם נײַעם פוילן?

במשך די צוואַנציק טעג וואָס איך בין געווען אין פוילן, האָב איך זיך נישט אָנגעטראָפן אויף קיין איין פאַל פון אַנטיסעמיטיזם און איך האָב געקענט פעסטשטעלן מיט דער פולסטער זיכערקייט, אַז קיין באַדינגונגען פאַר אַנטיסעמיטיזם און קיין סיבות פאַר אַנטיסעמיטיזם זענען שוין דאָרטן נישטאָ.

עס זענען נישטאָ קיין באַדינגונגען פאַר אַנטיסעמיטיזם דערפאַר, ווײַל די איצטיקע רעגירונג, אַ רעגירונג אַ פאָלקס־דעמאָקראַטישע, האָט נישט בלויז געשטעלט אַנטיסעמיטיזם אויסערן געזעץ, נאָר אים אויך אונטערגעוואָרפן דעם קאָדעקס פון סאַבאָטאַזש.

יעדער אַנטיסעמיטישער אַקט, אָדער בלויז אַנטיסעמיטישע פראָפאַגאַנדע, ווערט פאַררעכנט פאַר סאַבאָטאַזש קעגן דער איצטיקער אָרדענונג, און ווי אַזעלכער באַשטראָפט מיט די שטרענגסטע שטראָפן, ביז טויטשטראָף.

עס זענען אין פוילן נישטאָ מער קיין סיבות פאַר אַנטיסעמיטיזם, דערפאַר, ווײַל קיינער דאַרף מער נישט קיין שעיר־לעזאזל. ייִדן זענען אינטעגרירט אין אַלע געביטן פון לעבן, באַגלײַך מיט אַלע נישט־ייִדישע אַרבעטערס.

מיר טרעפן ייִדן אין די קוילן־גרובן פון סטאַלינאָגרוד. איך האָב געטראָפן ייִדישע פויערים אַרום וואַלבזשיך. מען טרעפט ייִדן אין כמעט אַלע פאַבריקן און אומעטום. עס זענען דאָ ייִדן בײַם בויען הײַזער, בריקן און שאָסייען, ייִדן אין דער אַרמיי, אָנהויבנדיק פון פשוטן זעלנער און ענדיקנדיק בײַ גענעראַלער; ייִדן ביי די צום ווינציקסטן באַדײַטנדיקע אַרבעטן און ייִדן אויף די העכסטע מלוכישע אַמטן.

דער ייִד איז מער נישט קיין אָביעקט, אויף וועלכן עס זאָל ווער אָנווײַזן מיטן פינגער ,ווי דער שולדיקער אין אַלע אומגליקן.

און קוים מאַכט זיך אַ מאָל, אַז עס זאָל ווער מיט פינצטערע כוונות דאָס טאָן, קען ער דאָס באַווײַזן נאָר איין מאָל. מער ווערט אים דערצו קיין מעגלעכקייטן נישט געגעבן.

און נאָך אַ מאָטיוו צוליב וועלכן עס זענען שוין נישטאָ קיין סיבות פאַר אַנטיסעמיטיזם.

בײַ די איצטיקע באַדינגונגען, די עקאָנאָמישע און פאָליטישע, נישט קוקנדיק אויף אַלע שוועריקייטן פון אַ נאָך־וואָס דורכגעמאַכטער שוידערלעכער מלחמה און אויף דער פראָבלעם פון דאַרפן אויפבויען אַ שווערע אינדוסטריע, לעבן שוין נײַנציק פראָצענט פון דער באַפעלקערונג בעסער און זיכערער, ווי זיי האָבן געלעבט אינעם פאַרמלחמהדיקן פוילן. דאָס הייסט, נײַנציק פראָצענט פון דער באַפעלקערונג האָבן שוין גענאָסן פונעם איצטיקן רעזשים, נישט רעכענענדיק די כסדרדיקע בעסערונגען. בלויז אין דער לעצטער צײַט זענען פאָרגעקומען פיר פרײַזשניטן, ד״ה פיר מאָל זענען די פרײַזן פון אַלע פראָדוקטן געשניטן געוואָרן .און דער אַרבעטער, אויסער זײַנע אויסזיכטן שטענדיק צו פאַרדינען מער דורך קוואַליפיצירן זיך, האָט אויך די מעגלעכקייטן מיטן זעלבן געלט צו קויפן מער און מער פראָדוקטן.

דער אַרבעטער זעט שוין בולט, אַז נישט אינעם ייִד איז געלעגן די סיבה פון זײַן פינצטערן לעבן, נאָר אַז די סיבה איז געלעגן אין אַן אָרדענונג פון עקספלואַטאַציע פון מענטש דורך מענטש, אַן אָרדענונג אין וועלכער אַ קליין הײַפל האָט שטענדיק געזוכט אויסצובעסערן זייער ווױלטאָג, פאַרערגערנדיק דאָס לעבן פון מיליאָנען אַרבעטערס, פויערים, אינטעלעקטואַלן אא״וו.

די דאָזיקע נײַע ווירקלעכקייט אינעם הײַנטיקן פוילן איז די בעסטע פאַרזיכערונג קעגן דעם גיפטיקן סם, וואָס האָט פאַראורזאַכט אַזוי פיל שוידערלעכע פאַרברעכנס.

און מיט נאָך אַ פאַרזיכערונג אַז עס וועט מער נישט זײַן קיין אַנטיסעמיטיזם, האָב איך זיך אָנגעטראָפן. און דאָס איז אפשר די פריידיקסטע.

איך האָב געזען ווי עס ווערט דערצויגן דער נײַער דור.

איך האָב באַזוכט פאָרשולן, קינדער־קאָלאָניעס, יוגנט־פאַלאַצן. איך האָב געזען וויפל אַכט עס ווערט געלייגט אויף דער דערציִונג פונעם קינד, מיט וויפל זאָרג און פיעטעט עס ווערט איבערגעבויט די מענטשלעכע נשמה.

איך האָב נישט באַזוכט קיין קינדערשולן, ווײַל עס איז געווען די צײַט פון פעריען. אָבער אַכציק פראָצענט פון די שטאָטישע קינדער געפינען זיך אין קאָלאָניעס. פאַר די דאָרפישע קינדער ווערן אײַנגעאָרדנט קאָלאָניעס אין די שטעט. דער אַנאַלפאַבעטיזם איז טאָטאַל ליקווידירט. דרײַ מיט אַ האַלבן מיליאָן קינדער לערנען זיך אין די פרימאַרשולן. די פאַרשידנסטע סעמינאַרן לאָזן יאָר־יערלעך פון זיך אַרויס טויזנטער און טויזנטער נײַע לערער־קאַדרען, לערער צוגעגרייטע צו דערציִען אַ נײַעם מענטש.

באזוכנדיק פוילן, קומענדיק אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט דעם דערציִונגס־וועזן ,האָט מען דעם אײַנדרוק אַז דאָס גאַנצע לאַנד לעבט און אַרבעט נאָר פאַרן וווילזײַן פון קינד.

עטלעכע טעג האָב איך געווידמעט דעם באַזוך אין פאַרשידענע קאָלאָניעס, קינדערהיימען, יוגנט־פּאַלאַצן. שעהען לאַנג האָב איך פאַרבראַכט אין דער געזעלשאַפט פון קינדער, צוויי מאָל מיט זיי מיטיק געגעסן. איך האָב מיט זיי געטאַנצט און געזונגען און אַ סך שעהען געשמועסט. איך האָב גערעדט מיט זיי וועגן זייערע שפּילערײַען און וועגן ערנסטע פּראָבלעמען.

איך האָב מיטגעפילט זייער פאַרדראָס, וואָס אַ צוגעגרייטע שפּילערײַ זייערע האָט זיך נישט אײַנגעגעבן און זייער באַזאָרגטקייט וועגן דעם גורל פון גוואַטעמאַלאַ. זיי האָבן זיך אויסגעפרעגט אויף מײַנע קינדער און אויף זשאָרזשע אַמאַדאָ, געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַן אײַנדרוק עס האָט אויף מיר געמאַכט די אויטאָמאָביל־פאַבריק „זשעראַן” הינטער וואַרשע .זיי האָבן זיך געגרויסט מיט זייער געוועט־אויסצייכענונג און מיט דער פּראַכט פון זייער יוגנט־פּאַלאַץ.

איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון זייערע פראַגעס און מיטגעריסן געוואָרן מיט זייער פרייד און געזאַנג. און כאָטש אומעטום אין פוילן האָב איך זיך געפילט גוט, האָב איך זיך אָבער צום בעסטן געפילט אין דער געזעלשאַפט פון די קינדער.

איך האָב געפילט אַז עס ווערט דערצויגן אַ נײַער דור. נײַ אין זײַן גאַנצער פּסיכאָלאָגיע, נײַ אין זײַן גאַנצער מענטאַליטעט, נײַ אינעם גרינטלעכן זינען פון וואָרט.

איך האָב געזען, ווי עס קומען אויף מענטשן, וואָס ווערן דערצויגן אין ליבשאַפט און קאָלעקטיווער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מענטשן וואָס וועלן נישט בלויז זײַן פעיִק, נאָר וועלן אויך זײַן ראוי אין דער צוקונפט איבערצונעמען אין זייערע הענט דעם רודער פון אַ נײַער וועלט.

בײַם געזעגענען זיך מיטן דירעקטאָר פון איינער פון די קאָלאָניעס, האָט ער מיר שטאַרק געדריקט די האַנט און כמעט ווי מיט טרערן געזאָגט: „איך בין פון אַלע מאָל אָן געווען אַן אָנהענגער פון יאַנוש קאָרטשאַקס דערציִונגס־מעטאָדן. אַ שאָד וואָס ער לעבט שוין נישט, דער אַלטער, ער וואָלט אונדז שטאַרק צוניץ געקומען”.

איך אַליין האָב דאָס אויך געפילט. אַזוי פיל חלומות און אַזוי וויניק מעגלעכקייטן האָט ער געהאַט בײַ זײַן לעבן. און איצט, ווען די מעגלעכקייטן זענען אומבאַגרענעצטע, ווייסן מיר אַפילו נישט וווּ דאָס אַש פון זײַן געביין איז פאַרטראָגן געוואָרן.

די פאָלקס־רעפּובליק פון פוילן

וואָס איז אַזוינס אַ פאָלקס־דעמאָקראַטישע רעפּובליק און מיט וואָס אונטערשיידט זי זיך פון אַנדערע רעפּובליקן?

איך האָב זיך די דאָזיקע פראַגע געשטעלט אין אָנבליק פון דער פוילישער ווירקלעכקייט, און געזוכט צו דערגיין מיט מײַן אייגענער אָבסערוואַציע און שכל צי זענען די אייגנשאַפטן פון אָט די צוויי ווערטער — פאָלק און דעמאָקראַטיע — אַ ווירקנדיקער יש אינעם הײַנטיקן פוילן.

פאָלק און דעמאָקראַטיע — אייגנטלעך איז שוין דאָס ערשטע וואָרט אַן איבעריקס. דעמאָקראַטיע באַדײַט שוין, במילא, פאָלקס־פאַרוואַלטונג. און איך האָב געזוכט אָנצוטאַפּן די דאָזיקע פאַרוואַלטונג פון פאָלק אינעם נײַעם פוילן.

איך האָב באַזוכט פאַבריקן ,איך האָב באַזוכט דאָרפס־קאָאָפּעראַטיוון, איך האָב באַזוכט דערציִונגס־אַנשטאַלטן, איך האָב גערעדט מיט מענטשן פון בוי־קאָאָפּעראַטיוון. אומעטום האָב איך געטראָפן שטיין אין דער שפּיץ, בײַ דער אָנפירונג, מענטשן וואָס האָבן מיט זייער אייגענעם דראַנג און אַרבעט, מיט זייער אייגענער אינטעליגענץ און פעיִקייט, זיך דערהויבן צו די פּאָסטנס וואָס זיי פאַרנעמען.

עס איז שוין אַ פעסטגעשטעלטער כּלל, עס איז נישט מעגלעך צו רעדן וועגן פּאָליטישער דעמאָקראַטיע, דאָרט וווּ עס הערשט עקאָנאָמישע דיקטאַטור.

אין אַ לאַנד, וווּ דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן ליגט אין די הענט און ווערט פאַרוואַלטעט פון אַ גאָר קליינעם טייל פון דער באַפעלקערונג; אין אַ לאַנד, וווּ די גאַנצע אינדוסטריע ,די מאַשינען, די רוישטאָפן, דאָס געלט און דער רווח געהערן צו געציילטע; וווּ די פעלדער ,די אַקער־אײַזנס, די פּלאַנצן און די פּרוכט פון דער ערד איז דאָס אייגנטום פון איינצלנע; וווּ פאַבריקן, אונטערנעמונגען ,גיטער, ווערן פאַרוואַלטעט פון מענטשן וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער לאָיאַליטעט צו די בעלי־בתּים און מיטן אַרויסבאַקומען דעם גרעסטן סכום פאַרדינסטן און במילא וווילטאָג פאַר די, וואָס זענען דורך צופאַל און אין קאָנסעקווענץ פון אַ נישט גערעכטער אָרדענונג, די בעלי־בתּים פון אַלץ און פון אַלעמען; אין אַ לאַנד, וווּ דאָס פאָלק ,די אומענדלעכע מאַסע פון מענטשלעכע לעבנס, וואָס באַוועגן מאַשינען, שנײַדן און שמידן ,זעגן און בויען, אַקערן די ערד און פירן די באַנען, שטעלן מיט זיך צונויף נישט מער ווי איינסן מיט גרויסע פאַרקנעכטנדיקע פליכטן, אָבער מיט גאָר באַגרענעצטע רעכטן — אין אַזאַ לאַנד איז נישט לאָגיש, איז נישט שייך צו רעדן וועגן דעמאָקראַטיע, וועגן פאָלקס־פאַרוואַלטונג.

אַפילו דאָס קליינע ביסל דעמאָקראַטישע פרײַהייט און רעכטן, וואָס פעלקער האָבן אין געוויסע לענדער מיט אַ סך בלוט און לעבנס אויסגעקעמפט ,ווערט אויך שטענדיק באַדראָט דורך די מאַכטהאָבערס און קען בײַ געוויסע אומשטענדן צוגענומען ווערן אויב די פעלקער וועלן נישט שטיין ווי געהעריק אויף דער וואַך.

אין פוילן האָב איך געטראָפן פאָלקס־דעמאָקראַטיע, אמתע פאַרוואַלטונג פון פאָלק.

פאָלקס־פאַרוואַלטונג פון די פאַבריקן

די פאַבריקן וואָס זענען דאָס אייגנטום פון פאָלק, ווערן פאַרוואַלטעט דורך ראַטן און פאַרוואַלטערס, וואָס וואַקסן אַרויס פון די אַרבעטערס גופא און וואָס האָבן פאַר אַ ציל נישט בלויז אויסצובעסערן ,פאַרשענערן און פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, וואָס דאָס אַליין ווערט שוין אויך פאַרוואַנדלט צום גוטן פונעם פאָלק, נאָר די פאַרוואַלטונג פון דער פאַבריק דאַרף אויך טראַכטן וועגן שאַפן בעסערע לעבנס־באַדינגונגען פאַר אירע אַרבעטערס, ווי: היימען פאַר זייערע קינדער, קלובן פאַר זייער געזעלשאַפטלעכער אויסלעבונג, טעאַטער, ביבליאָטעקן ,פאַרווײַלונגס־ און ספּאָרט־פּלעצער, ווי אויך זאָרגן פאַר אַלע נויטן און דערפירן דערצו, אַז דער אַרבעטער זאָל פון דער פאַבריק ,ווען ער גיט אָפּ זעקס, זיבן אָדער אַכט שעה

ענערגיע אַ טאָג, באַקומען אַלץ פאַר זײַן פיזישער און גײַסטיקער אויפהאַלטונג און אויסלעבונג.

איך האָב אין פראַגע, אַ געגנט פון וואַרשע, באַזוכט אַ קליידער־פאַבריק, ווו עס אַרבעטן פיר טויזנט מענטשן. איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבער די גרויסע לופטיקע, רחבותדיקע אַרבעטסזאַלן, גערעדט מיט די צושנײַדערס און פרעסערס, מאַשינערס און קאָנטראָלאָרן. איך האָב געזען דעם „זשלאָבעק", דעם אַנשטאַלט, ווו מאַמעס וואָס אַרבעטן אין דער פאַבריק לאָזן איבער זייערע קינדער אונטער דער אויפזיכט פון געשולטע דערציִערינס. איך האָב גערעדט מיט אַרבעטערס, וואָס זענען נאָר וואָס צוריקגעקומען פון „וויוווטשאַסן" (פעריען) — יעדער אַרבעטער באַקומט נישט בלויז אַ חודש פעריען אַ יאָר, נאָר ער באַקומט אויך אומזיסט אַן אָרט אין אַן אָפרופלאַץ און אַ באַנבילעט צו פאָרן פאַרברענגען זײַן חודש רו. איך האָב באַזוכט דעם קלוב און טעאַטער־זאַל פון דער פאַבריק, ווו עס פונקציאָנירט אַ כאָר, אַ ביבליאָטעק, אַ טאַנצגרופע, אַלץ אויסגעהאַלטן פון דער פאַבריק צום דינסט פון אירע אַרבעטערס. און איך האָב פאַרשטאַנען דעם שטאָלץ פונעם פאָרטיער בײַם טיר, ווען ער האָט מיך, בײַם אַרויסגיין, געפרעגט:

— נו, ווי געפעלט אײַך אונדזער פאַבריק?

אין דער נאַטירלעכקייט פונעם אונדזער פאַבריק איז געלעגן דער יסוד פון דער נײַער דעמאָקראַטיע.

דער הויפט־פאַרוואַלטער פון דער פאַבריק, אַ יונגערמאַן פון עטלעכע און דרײַסיק יאָר, אַליין אַ שנײַדער־אַרבעטער, האָט מיר דערקלערט, אַז אַ באַשטימטע צאָל אַרבעטערס, ווען זיי זענען נישט צופרידן מיט זייער סעקציע־פאַרוואַלטער, אָדער אַפילו הויפט־פאַרוואַלטונג פון דער פאַבריק, האָבן זיי ס'רעכט, בײַ אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, צו פאָדערן אַן אומבײַט.

ווען איך האָב באַזוכט קליצע, אַ דאָרף 80 קילאָמעטער פון גדאַנסק, און געגעסן אַ פרישטיק מיט די מיטגלידער פונעם דאָרפס־קאָאָפעראַטיוו „פזשישלאָשטש" (צוקונפט), האָט מיר דער פאָרזיצער פונעם קאָאָפעראַטיוו, וויצענטע גילינסקי, אַ מיטליאָריקער בעל־הבית, וועמענס עלטער־זיידעס האָבן נישט געוווּסט פון עפעס אַנדערש ווי אַקערן און זייען, שנײַדן און דרעשן, דערקלערט: „אַט האָבן מיך די הונדערט מיטגלידער פון אונדזער קאָאָפעראַטיוו אויסגעוויילט פאַר זייער פאָרזיצער. דאָס גיט מיר אַ סך אַרבעט און פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אויסער מײַן אַרבעט אין פעלד מוז איך נאָך זאָרגן, אַז אַלץ אין קאָאָפעראַטיוו זאָל גיין גוט. אָפט מאָל קומען צו מיר די „כלאָפעס" (פויערים) מיט די קלענסטע נאַרישקייטן און איך מוז זיי דאָס דערליידיקן".

אויסער פאָרזיצער פון זײַן קאָאָפעראַטיוו, איז וויצענטי גילינסקי אויך דעפוטאַט אין „סיים" (פאַרלאַמענט), אויסגעוויילט דורך דער אַרומיקער געגנט און דירעקט פאַראַנטוואָרטלעך צו די פויערים, וועלכע האָבן אים אָנפאַרטרויט דעם מאַנדאַט.

די דאָזיקע פאַקטן גיבן אונדז דעם כאַראַקטער פון אַ ברייטער פאָלקס־דעמאָקראַטיע, ווו די פאַרוואַלטונג פון פאָלק הייבט זיך אָן פונעם יסוד, פון דער סאַמער קלענסטער עקאָנאָמישער באַזע און ענדיקט זיך בײַ דעם העכסטן מלוכישן פאָסטן.

עס איז גענוג צו דערמאָנען, אַז דער פרעזידענט פון דער פוילישער פאָלקס־רעפובליק, אַלעקסאַנדער זאַוואַדזקי, איז אַליין געווען אַ קוילן־גרעבער אין דער געגנט פון קאַטאָוויץ און האָט ערשט אין די טורמעס פון דער פוילישער סאַנאַציע אָנגעהויבן זײַן בילדונג, וואָס האָט אים דערפירט צו דעם העכסטן רעגירונגסאַמט אין נײַעם פוילן, ביז צו פרעזידענט פון דער רעפובליק.

מענטשלעכע פרייהייט

צי עקזיסטירט פרײַהייט אין פוילן?

פאַראַן „פרײַהייטן", וועלכע די מענטשלעכע לאָגיק פאַראורטיילט, ווי צום בײַשפיל: פרײַהייט צו רויבן יענעמס האָב און גוטס, פרײַהייט צו מאָרדן, פרײַהייט צו שטערן יענעמס רו.

אין אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג ווערט צו די דאָזיקע פאַרבאָטענע פרײַהייטן צוגעגעבן נאָך עטלעכע, ווי: לעבן פון יענעמס אַרבעט, פראָפאַגירן שנאה צווישן מענטש און מענטש, אָנווענדן ראַסן־דיסקרימינאַציעס לגבי ייִדן, נעגערס, אָדער וועמען עס זאָל נישט זײַן; פאַרניכטן אָדער שעדיקן אַלגעמיין פאָלקס־אייגנטום (סאַבאָטאַזש), פראָוואָצירן צווישנפעלקערלעכע נישט־פאַרשטענדעניש, וואָס קען פירן צו מלחמה, זיך באַנוצן מיט געוויסע סיטואַציעס אָדער פריווילעגיעס פאַר פערזענלעכע, עגאָיִסטישע צוועקן, רייצן נידעריקע שאָוויניסטישע אינסטינקטן, כדי אַזוי אַרום שעדיקן די פרײַנדשאַפט צווישן פעלקער.

די און ענלעכע „פרײַהייטן" ,וואָס האָבן דעם ציל אונטערצוגראָבן די אַזוי שווער אויסגעקעמפטע פאָלקס־דעמאָקראַטיע, ווערן אין אַ לאַנד מיט אַ סאָציאַליסטישער אָרדענונג נישט געדולדעט, און אַ סך פון זיי ווערן באַשטראָפט מיט די שטרענגסטע שטראָפן.

אין אַלגעמיין אָבער ווערט פרײַהייט, פאָזיטיווע מענטשלעכע פרײַהייט ,נישט נאָר געדולדעט ,נאָר קולטיווירט אינעם הײַנטיקן פוילן.

איך האָב זיך אין פוילן באַוועגן פרײַ, געגאַנגען און געקומען ווו איך האָב געוואָלט, גערעדט מיט וועמען איך האָב געוואָלט און קיין מאָל האָט מיר קיינער נישט געמאַכט אויפמערקזאַם אַז וועגן דעם דאַרף מען נישט רעדן.

פרייהייט פון קריטיק

צי עקסיסטירט פרײַהייט פון קריטיק?

ווידער אַ מאָל דאָס זעלבע. אויב די קריטיק האָט נאָר נישט פאַר קיין ציל צו שעדיקן די גוטע באַציִונגען צווישן מענטשן, אַרויסרופן סאַבאָטאַזש אָדער פראָוואָצירן דיסקרימינאַציעס, אונטערגראָבן די איצטיקע לעבנס־באַדינגונגען, ווערט די קריטיק נישט בלויז דערלויבט, נאָר געפאָדערט.

שווער צו טרעפן אַזוי פיל און אַזאַ פרײַע קריטיק אין אַנדערע לענדער. אין פוילן קענט איר זי טרעפן אין די צײַטונגען און אויף די פאַרזאַמלונגען, אין די טעאַטער־פאָרשטעלונגען און אין דער ליטעראַטור, אומעטום, ווו נאָר עס איז דאָ אַ געלעגנהייט זי אַרויסצוברענגען.

אָנהייבנדיק בײַ דעם קלענסטן פאָרוואָרף ,וואָס אַן אַרבעטער האָט צו מאַכן זײַן סעקציע־פאַרוואַלטער אָדער אָנגעשטעלטן אין קאָאָפעראַטיוו, און ענדיקנדיק בײַ דער שאַרפסטער קריטיק בנוגע די וויכטיקסטע מאַכטאָרגאַנען ,ווערט די קריטיק אין פוילן פאַררעכנט פאַר איינער פון די ווירקזאַמסטע רפואות אויף צו סאַנירן, אויב עס עקסיסטירט ערגעץ אַ קראַנקהאַפטע סיטואַציע.

דאָס זעלבע איז וועגן פרײַהייט פון וואָרט, פרײַהייט פון געדאַנק, פרײַהייט פון שאַפן.

קונסט און ליטעראַטור

אין קיין שום לאַנד ווערט דעם שרײַבער, דעם קינסטלער, נישט געגעבן אַזעלכע באַדינגונגען און מעגלעכקייטן פרײַ צו אַנטוויקלען זײַן אינטעלעקט, פרײַ אַרויסצוברענגען זײַנע געדאַנקען, פרײַ צו צעשפּילן זײַן קינסטלערישע מוזע, ווי אין אַ פאָלקס־דעמאָקראַטיע.

אין אַ לאַנד ווּ די עקאָנאָמיק, און במילא פּאָליטיק, איז דאָס אייגנטום פון אַ קלאַס, פון אַ קליינעם הערשנדיקן קלאַס, איז אויך די קולטור, די הערשנדיקע קולטור פונעם לאַנד, דאָס אייגנטום פונעם זעלבן קלאַס.

עס איז זייער „פּאָפּולער" אין אונדזערע לענדער די ליטעראַטור, דאָס טעאַטער, וואָס באַזינגט דעם אַמעריקאַנער לעבנס־שטייגער, וואָס לויבט די גרויסקייט פון פּריוואַטער איניציאַטיוו, אָדער וואָס גיט ראָזעווע מאָנאָגראַפיעס איבער די לאָרדן פון דער אינדוסטריע און פינאַנצן. שעדלעכער, אָבער, ווי די דאָזיקע דירעקט פּראָפּאַגאַנדיסטישע ליטעראַטור, איז די אַזוי גערופענע אַפּאָליטישע ליטעראַטור פון די שרײַבערס, וואָס פּרעדיקן, אַז דער קינסטלער דאַרף זיך, און במילא אויך זײַן לייענער־אוידיטאָריע, אויסשליסן פון וועלכן נישט איז אָנטייל אינעם פּאָליטישן לעבן פון לאַנד.

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, די שעדלעכסטע פּאָליטישע שטרעמונג, וואָס נייטראַליזירט דאָס פּאָלק, שליסט עס אויס פון וועלכן נישט איז אַקטיוון לעבן פון לאַנד, פאַרוויגט עס אין אַ שטימונג פון נישט נעשטויגענע חלומות, אָדער אין נישטיקייט פונעם מענטשלעכן לעבן. און אַזוי אַרום באַקומט דער הערשנדיקער קלאַס אַלע מעגלעכקייטן פרײַ אויסצופירן אַלע זײַנע אַמביציעס, נישט מורא האָבנדיק פאַר דער רעאַגירונג פונעם פּאָלק.

אין לאַנד, אין וועלכן עס זענען נישטאָ קיין קלאַסן, איז די אויפגאַבע פונעם שרײַבער, פונעם קינסטלער אַן אַנדערע. נישט נייטראַליזירן דאָס פּאָלק, נאָר אַקטיוויזירן עס, באַקענען עס מיט אַלע ווינקעלעך און פּראָבלעמען פונעם לעבן, אָנרעגן זײַנע שעפערישע אינסטינקטן, מאַכן עס פאַר אַן אַקטיוון מיטבויער פונעם לעבן, צוגרייטן עס אָנטיילצונעמען אינעם פּאָליטישן און במילא פאַרוואַלטערישן לעבן פונעם לאַנד.

דער שרײַבער דאַרף נישט טיילן קיין מאָרפיום, נאָר דערציִען, לערנען דעם מענטשן, איבערבויען די מענטשלעכע נשמה, ווי עס האָט שוין אַ מאָל פאַר אים דער געניאַלער מאַקסים גאָרקי אָנגעצייכנט אַ וועג.

און דערפאַר, ווען מיר רעדן וועגן פרײַהייט פון שאַפן, איז דאָס נאָר מעגלעך אין אַ לאַנד פון אַ קלאַסנלאָזער געזעלשאַפט, ווּ דער שרײַבער האָט די אַבסאָלוטע פרײַהייט, מעגלעכקייט און באַדינגונגען פרײַ צו אַנטוויקלען זײַן קינסטלערישע שעפערישקייט און ווּ עס איז אים נאָר פאַרבאָטן צו פּאַראַזיטעווען מיט זײַן טאַלאַנט, ווּ עס איז אים פאַרבאָטן צו פאַרפינצטערן די מענטשלעכע פאַנטאַזיע, אָנשטאָט זי צו מאַכן קלאָר.

איבער די גאַסן פון וואַרשע

נאָך סטאַלינגראַד איז וואַרשע, דאַכט זיך, די צום מייסטן צעשטערט־געוואָרענע שטאָט אין אייראָפּע.

„דער פירער — זאָגט זיך אין אַ געפונענעם דאָקומענט צו דעם מולטימערדער פראַנק — האָט מער נישט קיין אינטערעס, אַז וואַרשע זאָל פאַרבלײַבן ווי אַ שטאָט".

און די נאַצישע אָקופּאַנטן האָבן זיך פאַרנומען אויסצופירן דעם פירערס „ווּנטש", נישט לאָזנדיק קיין איין גאַנצע געבײַדע אין גאַנץ וואַרשע.

נישט בלויז די הײַזער, נאָר אויך די וואַסער־לייטונג, די ליכט־אײַנריכטונגען, דעם גאַז און קאַנאַליזאַציע פון וואַסער־אָפּפלוס האָבן זיי אויפגעריסן, צעשטערט אין דער גאַנצער שטאָט.

דרײַ מאָל האָט וואַרשע געליטן פון גרויסע צעשטערונגס־אַקציעס.

דאָס ערשטע מאָל, באַלד אין סעפּטעמבער 1939, ווען די נאַצישע באָמבאַרדירערס האָבן אין דער פוריע פון זייער בליצקריג אַראָפּגעשליידערט טויזנטער טאָן באָמבעס אויף פּוילנס הויפּטשטאָט.

דאָס צווייטע מאָל — נאָכן אויפשטאַנד אין געטאָ. די פאַראָרדענונג איז געווען נישט איבערצולאָזן קיין איין הויז אין דער גאַנצער געגנט פון געטאָ, ווּ עס האָבן אין אָנפאַנג אָקופּאַציע געלעבט אַ האַלבער מיליאָן ייִדן.

דאָס דריטע מאָל איז געווען ערב דער באַפרײַונג. נאָך דעם טרויעריק באַרימטן באָר־אויפשטאַנד האָבן די נאַציס פאַרענדיקט די פולשטענדיקע רויִנירונג פון דער שטאָט.

„ווען די פּוילישע רעגירונג — האָט מיר שפּעטער דערקלערט דער פאָרזיצער פון וואַרשעווער שטאָטראַט, אַלברעכט — איז אַרײַנגעקומען קיין וואַרשע, באַלד נאָך דער באַפרײַונג, איז געשטאַנען די פראַגע צי מען זאָל וואַרשע צוריק אויפבויען, אָדער אויסקלײַבן אַן אַנדער שטאָט פאַר דער הויפּטשטאָט".

„נישט בלויז איז נישט געווען קיין גאַנצע געבײַדע ווּ אײַנצואָרדענען די רעגירונג, נאָר אין וואַרשע האָבן זיך נישט געפונען מער ווי די הונדערט און פופציק טויזנט מענטשן וואָס האָבן געוווינט אין פראַגע. פון דער זײַט ווײַסל האָט קיינער נישט געוווינט".
„די געוואַלדיקע ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט פונעם פּוילישן פאָלק צו זײַן הויפּטשטאָט האָט אונדז דיקטירט אָנצונעמען אַ באַשלוס אַז וואַרשע מוז צוריק אויפגעבויט ווערן".

און וואַרשע ווערט צוריק אויפגעבויט.

הונדערטער און הונדערטער ריזיקע הײַזערבלאָקן קענט איר טרעפן זיך בויענדיקע אין וואַרשע. גאַנצע גאַסן הייבט מען אָן און מען ענדיקט. די טעמפּאָ, מיט וועלכער ס'בויט זיך וואַרשע, איבעראַשט יעדן איינעם. פון מײַן ערשטן זײַן אין וואַרשע בײַם אָנקומען, ביז מײַן צוריקקומען, די לעצטע טעג פאַרן אַוועקפאָרן, האָב איך באַמערקט געוואַלדיקע ענדערונגען.

פאַראַן אַלטע טראַדיציאָנעלע גאַסן, ווי די „נײַע וועלט", די „קראָקאָווער פאָרשטאָט", די „אַלטשטאָט", געוואָרן צוריק אויפגעבויט אַזוי ווי זיי האָבן אויסגעזען פאַר דער מלחמה, מיט די זעלבע פאַסאַדעס, דער זעלבער הייך, די זעלבע וואַנטקאָלירן.

די אַנדערע גאַסן ווערן געבויט שענער, ברייטער, מיט מער גרינס, אַלץ אין דער קלאַסישער פּוילישער אַרכיטעקטור, אָבער שוין אָן הויפן, נאָר גרויסע פינף און זעקס און זיבן שטאָקיקע אַפּאַרטאַמענט־בלאָקן, מיט אַ סך פרײַע דיסטאַנץ צווישן איינעם און דעם אַנדערן.

דער פּאַלאַץ פאַר קולטור און בילדונג איז דער וווּנדער און שטאָלץ פונעם גאַנצן פאָלק.

דאָס איז אַ ריזיקער פּאַלאַץ פון צוויי הונדערט און זעכציק מעטער די הייך. ער שטייט אויף אַ פּלאַץ פון זיבן הונדערט מעטער די ברייט אין צענטער פון שטאָט. אין אים וועלן זיין קאָנצענטרירט די הויפּטצענטערס פאַר קולטור און בילדונג.

דער דאָזיקער פּאַלאַץ ,איז אַ געשאַנק פונעם ראַטן־פאַרבאַנד, פאַר פּוילנס הויפּטשטאָט. אַלע מאַטעריאַלן פונקט ווי די אַרבעטערס און טעכניקערס זענען געשיקט געוואָרן פונעם ראַטן־פאַרבאַנד.

וואַרשע ווערט געבויט לויט אַ פּלאַן. די שטאָט וועט פאַרטיק ווערן אין 1960.

דערווײַל ציילט וואַרשע בלויז אַ האַלבן מיליאָן איינוווינערס. ביז 1965 דאַרף זי האָבן באַקוועמע דירות אויפצונעמען צוויי מיליאָן מענטשן.

גייענדיק איבער די גאַסן פון וואַרשע, האָט מיך, פאַרשטייט זיך, געצויגן צו דער ייִדישער געגנט, אָדער בעסער געזאָגט צו דעם אָרט וווּ עס איז אַ מאָל געווען די ייִדישע געגנט.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבער דעם לײדיקן פּלאַץ וווּ עס זענען אַ מאָל געווען גאַסן, וווּ עס זענען אַ מאָל געשטאַנען הײַזער, ייִדישע געשעפטן און בעל־מלאכהשע וואַרשטאַטן, נאַלעווקעס, גענשע, פראַנציסקאַנער, דזשיקע. קיין זכר אפילו נישט.

„איצט איז שוין גאָרנישט — זאָגט מיר מײַן באַגלייטער — עס איז שוין כאָטש ריין, מען חיבט שוין אָן צוריק אויפצובויען. אין פינף־זעקס און פערציקסטן יאָר, האָט מען אפילו נאָענט נישט געקענט צוגיין. בערג מיט גרוז און שלעכטע ריחות האָבן זיך פון דאָרט געטראָגן".

דאָ האָט אַ מאָל געשפּרודלט מיט ייִדיש לעבן, מיט ייִדישע סוחרים ,מיט ייִדישע טרעגערס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם ענדעקישן כוליגאַניזם, מיט ייִדישע אַרבעטערס און אָנגעשטעלטע, מיט מאַרקהענדלערס און בעל־מלאכות, מיט מעקלערס און בייגל־פאַרקויפערס.

איצט איז פון זיי קיין שריד ופּליט נישט פאַרבליבן.

איך גיי איבער די סטעזשקעס וווּ עס זענען אַ מאָל געווען גאַסן .מײַן פרײַנד לימאַנאַד, פירט מיך צו צו אַ חורבה וווּ מען זעט אַן אַרײַנגאַנג צו אַן אונטערשטן טונעל: „דאָ איז געווען דער בונקער וווּ עס האָט געאַרבעט דער גענעראַל־שטאַב פון געטאָ. און דאָ זענען זיי אומגעקומען: אַניעלעוויטש און זײַנע חברים".

איך האָב באַזוכט דעם אומשלאַג־פּלאַץ ,פון וועלכן די נאַציס האָבן אַוועקגעפירט הונדערטער טויזנטער ייִדן צו די קרעמאַטאָריעס, געזען די אַמאָליקע מיליטערישע טורמע, פון וועלכער עס איז נאָך שטיין געבליבן אַ וואַנט, די איינציקע שטיין געבליבענע וואַנט אין געטאָ.

קעגנאיבער דעם נײַעם בנין פונעם ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט, אויף טלאָמאַצקע 5, זע איך דעם פּלאַץ וווּ עס איז אַ מאָל געשטאַנען די באַרימטע וואַרשעווער סינאַגאָגע. זי איז געווען די לעצטע אויפגעריסן צו ווערן. מיטן אויפרײַסן די סינאַגאָגע, האָט פראַנק באַריכטעט היטלערן אַז די פאַרניכטונגס־אַקציע אין געטאָ איז פאַרענדיקט.

איך קום צו צום דענקמאָל פאַר די גבורים פון אויפשטאַנד.

איך שטיי פאַר דער דאָזיקער שטיינערנער וואַנט. קוק זיך אײַן אין די בראָנדזענע פיגורן, וואָס זענען אײַנגעפּרעסט אינעם גראַניט; יעדע פיגור —אַ שאַרפער פּראָטעסט, אַ געשריי קעגן אומרעכט און פאַרברעכן; יעדער מוסקול — ווי לעבעדיק, אָנגעצויגן צום קאַמף.

די שאַרפקייט אינעם אויסדרוק פון זייערע פּנימער דערמאָנט אין זייער אַנטשלאָסנקייט נישט צו לאָזן זיך אויסשחטן ווי די קעלבער, נאָר צו קעמפן, צו קעמפן און שטאַרבן ווי מענטשן, אויב עס איז מער נישט מעגלעך צו לעבן ווי מענטשן.

אויף דער הינטערשטער וואַנט פונעם דענקמאָל קומט צום אויסדרוק די טראַגעדיע: לײדן ,שרעק, פּײַן, ייִדן געטריבענע צום טויט. פון פאָרנט — גבורה, פון הינטן — אומקום. בײַ דער זײַט פון דענקמאָל שטייען צוויי מנורות. אין די טעג פון דערמאָנונג ווערן די מנורות אָנגעצונדן און דער גאַנצער דענקמאָל ווערט באַלויכטן.

איך שטיי. איך קוק אויף די מענטשן פון בראָנדז, אויף די בלאָקן פון שטיין. פון דעם גראַניט האָט היטלער, ימח שמו, זיך געוואָלט אויפשטעלן אַ פּאַראַד־טויער אין בערלין. איצט איז דאָס אַ מאָנומענט פאַר מענטשן וואָס האָבן אין זייער שוואַכקייט אַזוי פיל גבורה באַוויזן, פאַר מענטשן וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן אויף אייביק צו פאַרווישן די שפּורן פון רשעות אויף דער ערד.

ווי וואָלט איך אין יענעם מאָמענט געוואָלט געפינען נאָענט צו מיר איינעם פון די אַזוי גערופענע „ייִדישע פירער", וואָס גרויסן זיך מיט זייער שתדלנות בײַם רײַכסקאַנצלער אַדענאַוער „ירום הודו", און וואָס פרייען זיך מיט זייערע ריזיקע דיפּלאָמאַטישע דערגרייכונגען אַז באַלד — און זיי וועלן קענען אײַנשטעלן נאָרמאַלע באַציִונגען (אָדער שותפות) מיט די באַפרײַערס פון אילזע קאָך, פּריטשע, פאָן מאַנשטיין און זייער גלײַכן.

ווי וואָלט איך וועלן זען ווי זייערע פּנימער ווערן פאַרקרימט פון חרפּה, ווייטיק און חרטה אין אָנבליק פון די דאָזיקע גבורים, וואָס שטייען דאָ ווי אַן אייביקע דערמאָנונג און וואָרענונג צו דער וועלט. און ווער ווייסט, אפשר זענען זיי שוין פון זייער נאָענטקייט צו די „באַהערדן פון באָן" אַזוי פאַרשטיינערט געוואָרן, אַז זיי וואָלטן זיך מיט גלײַכגילטיקייט צי גאָר מיט ווידערווילן אַוועקגעדרייט פונעם דאָזיקן דענקמאָל.

לאַנג בין איך נאָך געשטאַנען בײַם מאָנומענט און פון דאָרט אַוועק צום ייִדישן בית־עולם.

אַ קוריאָז. די איינציקע ייִדישע זאַך וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין וואַרשע, איז דער בית־עולם.

איך האָב באַזוכט די קבֿרים פון אסתּר־רחל קאַמינסקי, פון איטשע־מאיר ווײַסענבערג, פון נאָמבערג, פון גרשון דוא, פון פאַרשידענע גרופּעס פּאַרטיזאַנערס, וועלכע מען האָט שוין נאָך דער מלחמה געבראַנגט פון די וועלדער און זיי מקבר געווען אויפן ייִדישן בית־עולם. דערנאָך בין איך געשטאַנען בײַ דעם גרעסטן קבֿר פון ייִדישן וואַרשע, בײַ דעם קבֿר פון יצחק־לייבוש פּרץ, בײַ וועמענס זײַטן עס ליגן זײַנע נאָענטסטע חברים: אַנסקי און דינעזאָן.

און אַ מאָדנער געפיל האָט מיך אַרומגענומען אין יענעם מאָמענט, אַ געפיל פון וועלכן איך קען זיך ביז הײַנט נישט באַפרײַען.

נאָך אַזוי פיל חורבן, האָב איך ערשט אַרויפקומענדיק אויפן בית־עולם דערפילט אַ פאַרלײַכטערונג, מען קען אפשר זאָגן אַ ביסעלע פרייד, וואָס כאָטש עפּעס איז געבליבן שטיין פונעם אַמאָליקן ייִדישן וואַרשע.

איך האָב נאָך באַזוכט די ציטאַדעל, וואָס איז הײַנט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי און דענקמאָל פאַר די וואָס זענען דאָרט אומגעקומען, סײַ אין די צײַטן פון דער צאַרישער הערשאַפט, סײַ אין די צײַטן פון דער פּוילישער סאַנאַציע.

נישט וועלנדיק בלײַבן אונטער דעם דערשיטערנדיקן אײַנדרוק פון אַזוי פיל חורבן, בין איך אַוועק עפּעס זען און הערן וועגן דעם נײַעם ייִדישן וואַרשע.

אין דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־שטימע" האָט מיך אויפגענומען דער שעף־רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג, הערש סמאָליאַר, און די מיטאַרבעטערס פישגרונד, קאָרמאַן, איוואַן, ניעזשינסקי און דער ליבלינג־פּאָעט פון דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג, בינעם העלער. לאַנג האָבן מיר געשמועסט וועגן ייִדישן קולטור־לעבן אין פּוילן. זיי האָבן זייער אַ סך געוואָלט וויסן וועגן ייִדישן לעבן אין בראַזיל.

אויסער דער „פאָלקס־שטימע" דערשײַנט די מאָנאַטלעכע ליטעראַרישע אויסגאַבע „ייִדישע שריפטן".

אינעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד, וואָס איז די צענטראַלע ייִדישע אינסטיטוציע אין פּוילן און וואָס פאַרמאָגט אָפּטיילונגען אין פיר און צוואַנציק שטעט, האָב איך זיך געטראָפן מיט דעם פאָרזיצער, ח' דוויד ספאַרד ,אַ נידעריק באַברילטער יונגערמאַן מיט אַ קלוגן אויסזען. ער, ווי די אַנדערע מיטגלידער פון פּרעזידיום, האָבן זיך דערפרייט צו האָבן בײַ זיך אַ גאַסט פון בראַזיל, און מיט געוואַלדיקער פאַראינטערעסירונג אויסגעפרעגט אויף אונדזער לעבן און קולטור־אַרבעט דאָ.

דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער פאַרבאַנד באַדינט דאָס גאַנצע ייִדישע קולטור־לעבן אין פּוילן. אויסער די פיר און צוואַנציק אָפּטיילונגען זײַנע ,געפינען זיך נאָך אין אַ גאַנצער ריי שטעט און שטעטלעך פאַרשידענע קלובן, לייענקרײַזן, קולטור־גרופּעס, אָפטמאָל נישט מער ווי די פינף אָדער צען מיטגלידער, און דער פאַרבאַנד מוז זיי באַדינען מיט רעדנערס, קינסטלערס, אינפאָרמאַטאָרן.

דאָס ייִדישע מלוכה־טעאַטער אונטער דער קינסטלערישער לייטונג פון אידאַ קאַמינסקי איז פון אַ גאָר הויכער טעאַטער־מדרגה און אויסער אים געפינען זיך נאָך איבערן לאַנד 32 קרײַזן פאַר קינסטלערישער טעטיקייט, טייל פון זיי פון אַ גאָר באַדײַטנדיקן ניוואָ.

דער שטשעטשינער ייִדישער כאָר האָט אויפן לאַנד־פעסטיוואַל, וווּ עס האָבן אָנטיילגענומען ייִדישע און פּוילישע כאָרן, געוווּנען דעם ערשטן פּרײַז.

אין פּוילן עקסיסטירן ייִדישע שולן מיט ייִדיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך און סעמינאַר־קורסן פאַר ייִדישע לערערס.

דער פאַרלאַג „ייִדיש־בוך", אונטער דער טעכנישער לייטונג פונעם אונטערנעמונגס־פעיִקן ח' ליכטנשטיין, איז פון די אַקטיווסטע אויפן געביט פון ייִדישער ביכער־פּראָדוקציע אין דער וועלט. 32 ביכער האָט דער פאַרלאַג אַרויסגעגעבן בלויז דעם פאַרגאַנגענעם יאָר און אַלע פון זיי אין איבער פינף טויזנט עקזעמפּלאַרן.

מען טרעפט ייִדישע שולן און בתי־מדרשים, שוחטים און רבנים, קינדערהיימען און זקנים־הייזער. עס ווירבלט מיט אַן אַקטיוו ייִדיש לעבן.

„און פון טאָג צו טאָג — פאַרזיכערט מיר הערש סמאָליאַר — ווערט שטאַרקער אונדזער ייִדיש קולטור־לעבן".

„וואָלטן מיר נאָר בײַ די איצטיקע באַדינגונגען געהאַט דעם אַמאָליקן ייִדישן ייִשוב, וואָלט אונדזער לעבן גאַנץ אַנדערש אויסגעזען".

„דער איינציקער מינוס אין אונדזער לעבן איז דאָס וואָס פונעם אַמאָליקן דרײַמיליאָניקן ייִשוב האָבן מיר איצט נישט מער ווי הונדערט טויזנט".

און איך האָב געפילט אַז דער איצטיקער, כאָטש קליינער ייִשוב אין פּוילן, האָט אַלע באַדינגונגען, מעגלעכקייטן און דער עיקר אַ שטאַרקן דראַנג צו פאַרבלײַבן אינעם נײַעם לעבן אין פּוילן דער ווירדיקער יורש פונעם אַמאָליקן פּוילישן ייִדנטום.

* * *

י. לאַזעבניק (וואַרשע)

דאָס ייִדישע מלוכה־טעאַטער אין פאָלקס־פּוילן

צו דער צעניאָריקער עקסיסטענץ פון אונדזער היימלאַנד, צום גרויסן באַלאַנס פון די היסטאָרישע דערגרייכונגען פון די פאָלקסמאַסן אויף אַלע געביטן פון עקאָנאָמיש־ווירטשאַפטלעכן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן אויפשטייַג פון אונדזער לאַנד — קומט אויך דאָס ייִדישע מלוכה־טעאַטער מיט זייַנע ערנסטע און וואָגיקע קינסטלערישע און אידייִשע דערגרייכונגען.

מיר זאָגן „אויך" נישט צופעליק. די ייִדישע פּראָגרעסיווע קולטור, ווי די גאַנצע פילזייַטיקע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע טעטיקייט צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פאָלקס־פּוילן, איז אַן אָרגאַנישער באַשטאַנדטייל פון טיפע רעוואָלוציאָנערע איבערגעשטאַלטונגען אויף די פאַרשידנסטע עטאַפּן פון דער אַנטוויקלונג פון לאַנד און איז מיט זיי פאַרוואָרצלט און באַהאָפטן .

דער שוווּנג און וווּקס פון ייִדישן מלוכה־טעאַטער איז מעגלעך געוואָרן דורך די באַדינגונגען וועלכע אונדזער סאָציאַליסטיש היימלאַנד האָט געשאַפן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור בכלל, פאַר דעם קולטורעלן אויפשטייַג פון די ברייטסטע פאָלקסמאַסן.

דער געזעלשאַפטלעכער קלימאַט בייַ אונדז אין לאַנד, וואָס באַגינסטיקט דעם באַגריף פון דער געזונטער און שעפערישער איניציאַטיוו פון יעטוועדן קינסטלער, האָט אויך געשאַפן אַ זייער וואַרעמע אַטמאָספער פאַר אונדזער טעאַטער, האָט דעצידירט אין דער וויכטיקסטער מאָס וועגן זייַן דערפאָלג און אַנטוויקלונג. דאָס ייִדישע מלוכה־טעאַטער איז אַ קינד פון נייַעם פאָלקס־פּוילן, און ווי אַזאַ — ווערט עס אַרומגערינגלט מיט ליבע און צוטרוי; מיט אַכטונג און אָנערקענונג מצד דעם ייִדישן אַרבעטסמענטש, מצד דער פּויִלישער געזעלשאַפט, מצד דער גאַנצער אָרגאַניזירטער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט.

דאָס ייִדישע מלוכה־טעאַטער אונטער דער קינסטלערישער אָנפירונג פון דער גרויסער בינעקינסטלערין אידאַ קאַמינסקאַ האָט באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן צוגעטראָגן אַ גרויסן בייַשטייַער צו דער אַנטוויקלונג פון דער טעאַטער־קונסט בייַ אונדז אין לאַנד.

נישטאָ הייַנט אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט נאָך אַזאַ ייִדיש טעאַטער, ווי אונדזער טעאַטער אין אונדזער פאָלקס־פּוילן. יעדער ייִדישער אַרבעטסמענטש איז שטאָלץ מיט אונדזער טעאַטער, האָט צו אים אַ נאָענטע, אינטימע באַציִונג און באַטראַכט עס מיט רעכט פאַר זייַן טעאַטער.

די פּאָזיציע וואָס ס'האָט דערגרייכט הייַנט צו טאָג דאָס ייִדישע מלוכה־טעאַטער איז נישט אָנגעקומען אַזוי לייַכט און איינפאַך. אויך אויף דעם אָפּשניט ,ווי אויף איינעם פון די וויכטיקסטע אינסטרומענטן פאַרן באַווירקן און געשטאַלטיקן דעם באַוווּסטזייַן צום עסטעטישן געשמאַק פון מאַסנמענטש האָבן געלויערט אונדזערע שונאים. אויך דאָ איז פאָרגעקומען אַ פאַרביסענער, געזעלשאַפטלעך־אידעאָלאָגישער קאַמף מיט דער ייִדישער רעאַקציע, וועלכע האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום מיטלען און מעטאָדן, בכדי צו צעזעצן און צעשטערן דאָס ייִדישע טעאַטער, יעדן טעאַטער־קאָלעקטיוו, נישט דערלאָזן צו קיין שום אייַנגעזעסנקייט און סטאַבילקייט. דער דאָזיקער שווערער קאַמף האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ מפּלה פאַר אַלע שונאים פון דער ייִדישער פּראָגרעסיווער קולטור אין פאָלקס־פּוילן. אויף צעפּיקעניש די לעשטשינסקים, גלאַטשטיינס, צייטלינס און ראַפּאַפּאָרטס און זייערע אַמעריקאַנער ברויטגעבערס לעבט און וואַקסט אונדזער ייִדיש מלוכה־טעאַטער אין פאָלקס־פּוילן און נישט איינער פון די אַרויסגעפאָרענע ייִדישע אַקטיאָרן חלומט הייַנט אין די פאַרוואָרפנסטע געסלעך פון תּל־אָביב צי בוענאָס־אייַרעס, בראַזיל אָדער ניו־יאָרק וועגן אַן אַרבעטספּלאַץ און ברויט צו דער זעט, באַדויערט זיך אַליין און בענקט נאָך זייַן פּויליש היימלאַנד, נאָך די ברעטער פון דער ייִדישער טעאַטער־בינע אין פּוילן.

מיטן מאָמענט פון פאַרמלוכישן (אין יאַנואַר 1950) האָט דאָס ייִדישע טעאַטער ענדגילטיק ליקווידירט זייַן ספּעציפישע שווערע לאַגע, וועלכע האָט אים באַגלייט זינט זייַן אַנטשטייונג און איז אַרייַנגעטראָטן אין אַ קוואַליטאַטיוו נייַעם און העכערן פּעריאָד אין זייַן טעטיקייט, און באַקומען די פולע רעכט און די מעגלעכקייט צו דערפילן זייַן קולטור־דערציִערישע ראָלע צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג צו גלייַך מיט אַלע טעאַטערס בייַ אונדז אין לאַנד.

דערמיט איז דערהויבן געוואָרן די געזעלשאַפטלעכע מיסיע און פונקציע פון ייִדישן אַקטיאָר, וועלכער איז איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַפרייַט געוואָרן פון די שווערע דאגות־פּרנסה, בכדי צו קאָנען זיך אין גאַנצן אָפּגעבן זייַן הויכן קינסטלערישן באַרוף .

אונדזער ייִדיש מלוכה־טעאַטער איז קודם כּל אַן אידייִש טעאַטער, וואָס האָט איבערגעריסן מיט אַלע אַלטע און פאַרעלטערטע, שלעכטע און אָפּגעשטאַנענע טראַדיציעס, קאָנטינויִרנדיק די גוטע, קינסטלעריש־דערהויבענע, און שאַפנדיק נייַע טראַדיציעס אין פאָלקס־דעמאָקראַטישן פּוילן. אין קיין שום צייַטן איז קיין איין ייִדיש טעאַטער אין פּוילן נישט אומשטאַנד געווען אַזוי טיף און אַזוי ערנסט, גרינטלעך, אַלזייַטיק און אחריותפול צו באַהאַנדלען, צוגרייטן און אויספירן יעדע פאָרשטעלונג. די זאָרג פאַר קינסטלערישער שלימות און הויכן רעזשיסערישן ניוואָ, ציל־געווענדעטע אינסצעניזאַציע זעלטענע קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע אַקטיאָרישע שפּיל אין יעדער פאָרשטעלונג און איר ווירקונגסקראַפט אויף דעם צושויער — האָבן געהאָלפן שאַפן דעם ייִדישע מלוכה־טעאַטער אָנזען אינעם טעאַטער־וועזן בייַ אונדז אין לאַנד, די ליבע און צוגעבונדנקייט צו אים מצד דער ייִדישער באַפעלקערונג.

א זייער כאַראַקטעריסטישער שטריך אין דער באַציִונג צום טעאַטער און זײַן שטײַגנדיקער אויסווירקונג אויפן צושויער איז דער פאַקט, וואָס יעדער דורכשניטלעכער ייִדישער אַרבעטסמענטש און טעאַטער־באַזוכער איז אימשטאַנד אויסצורעכענען כמעט אַלע פאָרשטעלונגען און דעם גאַנצן רעפּערטואַר, וואָס איז ביז איצט געשפּילט געוואָרן. פיל פאָלקסלידער פון אַ ריי אויפפירונגען ווערן געזונגען דורך דעם ייִדישן פאָלקסמענטש בײַ דער אַרבעט און אין שטוב. אַזוי צום בײַשפּיל איז די פאָרשטעלונג „אַ גאָלדפאַדען־חלום“ געשפּילט געוואָרן 150 מאָל און זי געהערט צום אײַזערנעם רעפּערטואַר־פאָנד פונעם טעאַטער .

די רעפּערטואַר־ליניע פון ייִדישן מלוכה־טעאַטער נעמט אַרום פאַרשידנאַרטיקע אויפפירונגען: דראַמע, קאָמעדיע, מוזיקאַלישע קאָמעדיע, פאָלקסשפּיל און לעצטנס אויך קליינקונסט־פּראָגראַם פון ייִדישער, פּוילישער און אַלגעמיינער טעמאַטיק. פון ייִדישן רעפּערטואַר גייען אויפן ערשטן אָרט גאָלדפאַדען, י. גאָרדין, שלום עליכם, י. ל. פּרץ, פּרץ הירשביין און אַנדערע. צו די אורפּרעמיערעס פון אונדזערע הײַנטצײַטיקע ייִדישע שרײַבערס געהערן: שלמה דיאַמאַנדס „אַ ווינטערנאַכט“, ה. סלאָוועס „המנס־מפּלה“, ה. סמאָליאַרס „אַ פּשוטער זעלנער“, ב. העלערס „אַ שטוב אין געטאָ“. אַ באַדײַטנדיק אָרט פאַרנעמט אינעם רעפּערטואַר די רוסישע קלאַסיק און די הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע דראַמאַטורגיע: אָסטראָווסקי, גאָרקי, פּאָפּאָוו („פאַמיליע“), רובינשטיין („קעגנזײַטיקע ליבע“), ווישניעווסקי („אָפּטימיסטישע טראַגעדיע“), און אַנדערע. אַ זייער געלונגענער פּרוּוו איז דאָס צואייגענען דעם ייִדישן טעאַטער שאַפונגען פון דער פּוילישער קלאַסיק און הײַנטצײַטיקער פּוילישער דראַמאַטורגיע: אַלעקסאַנדער פרעדראָס „פּאַן יאָוויאַלסקי“ און עליזאַ אָזשעשקאָוואַס „מאיר יעזעפּאָוויטש“. די לעצטע פאָרשטעלונג איז מיט איר כאַראַקטער און פאַרנעם אַ וויכטיקע געשעעניש אין דער אַנטוויקלונג פון דער טעאַטער־קונסט בײַ אונדז אין לאַנד און בילדעט איינעם פון די העכסטע שטאַפּלען אין דער קינסטלערישער אַנטוויקלונג פון ייִדישן מלוכה־טעאַטער. גלײַכצײַטיק דינט דאָס ווי אַ באַווײַז פון די קאָלאָסאַל־ברייטע און אויסגעוואַקסענע מעגלעכקייטן צו געבן וואָס ווײַטער אַלץ מער פילווערטיקע, אײַדייִש צילגעווענדעטע ספּעקטאַקלען אויף אַ כסדר שטײַגנדיקן קינסטלערישן ניוואָ. די טיפע מענטשלעכע דראַמע „יוליוס און עטל“ פון לעאָן קרוטשקאָווסקי אין דער אויספירונג פון ייִדישן מלוכה־טעאַטער איז אַ ווײַטערדיקער רינג אין דער אַנטוויקלונג פון טעאַטער און פון זײַן רײַכן רעפּערטואַר. מיט גרויס צופרידנקייט איז אויפגענומען געוואָרן דער ערשטער רעווי־פּראָגראַם „צו זינגען און צו זאָגן“ און נאָך מיט אַ גרעסערן דערפאָלג גייט איצט דער צווייטער פּראָגראַם א״נ „די באָבע דערציילט“, וועלכער שטיצט זיך אויף דעם הומאָר און סאַטירע פון אונדזערע קלאַסיקערס.

די געזעלשאַפטלעכע ראָלע פון ייִדישן מלוכה־טעאַטער איז באַדײַטנדיק אויסגעוואַקסן. דאָס טעאַטער איז געוואָרן אַן ערנסטער קולטור־דערציִערישער פאַקטאָר, וועלכער הייבט אויף דעם קולטור־ניוואָ פון ייִדישן אַרבעטסמענטש און געשטאַלטיקט זיין עסטעטישן געשמאַק.

דאָס באַפרײַען זיך פון די אידעאָלאָגיש־פרעמדע עלעמענטן האָט געשאַפן דעם באָדן פאַר דער צעמענטירונג און קאָנסאָלידאַציע פון גאַנצן טעאַטער־קאָלעקטיוו, פאַר זײַן שעפערישן וווּקס און קינסטלערישער אויסלעבונג.

דער ייִדישער אַקטיאָר איז אַרומגערינגלט מיט אַכטונג און אָנערקענונג מצד דעם ייִדישן (און נישט נאָר ייִדישן) עולם. די דאָזיקע וואַרעמע, אינטימע באַציִונג מצד דער אַרבעטנדיקער געזעלשאַפטלעכקייט צום גאַנצן טעאַטער־קאָלעקטיוו העלפט דעם טעאַטער אײַנצוהאַלטן און פאַרפעסטיקן דעם וועג צו אַלץ נײַע דערגרייכונגען.

בינעם העלער (וואַרשע)

צו די פּױלישע ייִדן אין אַמעריקע

⁂

אין אײַערע רױשיקע ריזיקע שטעט
זאָל שװײַגן אַ װײַל דאָס געדרודער:
איך װיל, אַז דערהערן זאָלט איר, װי עס רעדט
אַ פּױלישער ייִד און — אַ ברודער!

נישטאָ צװישן אונדז קײן שום אײַזערנע װאַנט,
קײן שטח, װאָס טײלט אונדז פֿונאַנדער.
זאָל טרעפֿן צום האַרצן און צום רײנעם פֿאַרשטאַנד —
מײַן װאָרט אין אַלאַרם־רוף פֿאַרװאַנדלט.

נישט אײנער פֿון אײַך זײַן יניקה נאָך ציט
פֿון פּױלישן װאַלד און זײַן שאָטן —
אַ פּױלישער ייִד בלײַבט אַ פּױלישער ייִד,
ביז װאַנען ס׳װעט סטײַען אים אָטעם.

צו אײַערע שטובן אין װײַטן ניו־יאָרק
פֿלעגט גרײכן דער בריװ פֿון אַ מאַמען.
די פּשוטע שפּראַך פֿון איר ליבשאַפֿט און זאָרג
האָט איבערגעשריִען די ימען. —

איך רעד צו אײַך, װי אַ פּױלישער ייִד,
װאָס איז ערשט אַרױס פֿונעם פֿײַער.
דאָס אָרט אינעם לאַנד פֿון מײַן עבר איך היט —
די פּױלישע ערד איז מיר טײַער.

מיר זענען אין צאָל נישט געבליבן קיין סך,
נאָר איך האָב די רעכט צו דערמאָנען.
און הערן מוז אַלץ נאָך די וועלט אין מײַן שפראַך —
די שטים פון דערשטיקטע מיליאָנען.

פאַרנעמט זייער שטים איבער יענער זײַט ים,
ווי פוילישע ייִדן, ווי ברידער!
די מערדער, וואָס האָבן אונדז נעכטן געסמט —
די מערדער באַוואָפנט מען ווידער!

און נישט קענען אונדז בלויז זיי ווערן געגרייט —
אויך אײַערע איז די סכנה.
מיליאָנען פון ניו־יאָרק, פאַרנעמט איצט די רייד
פון פוילנס פאַרברענטע מיליאָנען!

מאַניפעסטאַציע צום געטאָ מאָנומענט, װאַרשע 1948

י. לאַזעבניק, פאָרשטייער פון צ״ק פון די ייִדן אין פוילן, האַלט אַ רעדע בײַם געטאָ־מאָנומענט אין װאַרשע (יאָר 1948)

דעלעגאַציע פון דער „פעדעראַציע פון ייִדישע לאַנדסלײַט־פֿאַראײנען אין אַרגענטינע" און פון „לאַנדסלײַט־פֿאַרײן פון וואַרשע און אומגעגנט", לייגט אַ קראַנץ בלומען בײַם מאָנומענט פון די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ.

צום מאָנומענט

די מאַסע בײַם פײַערן דעם 19טן אַפּריל, װאַרשע 1948

אַ רעליגיעזע תפילה בײַם מאָנומענט פון די געטאָ־העלדן אין װאַרשע, יי 1948

הויכע מלוכה־אויסצייכענונגען פאַר יִדישע קולטור־טוערס אין פאָלקס-פוילן

יעקב ראָטבוים

רעזשיסער

מלוכה פרעמיע פון דער

3טער שטופע

קלמן גלעב

קינסטלער

מלוכה פרעמיע פון דער

3טער שטופע

בינעם העלער

פּאָעט

קאַוואַלערן־קרייץ פון אָרדן

„אָדראָדזעניע פּאָלסקי"

אברהם קוואַטערקאָ

זשורנאַליסט

זילבערנער פאַרדינסטקרייץ

נתן מייסלער

אַרטיסט

גאָלדענער פאַרדינסטקרייץ

אַקטיאָרן פון מלוכישן יידישן טעאַטער אין פאָלקס־פוילן

אין אַנדריי אוספיענקיס קאָמעדיע: „דרײַ פרײַנד".
פון רעכטס: י. גרודבערג, ל. סטאָלאַרסקאַ, נ. מײַסלער.

אידאַ קאַמינסקאַ
אַלס מאַריאַ אוליאַנאָוואַ.

סצענע פון צווייטן אַקט „מײַן זון" פון סאַנדאָר גערגעליס
פון רעכטס: ח. בוזגאַן, ר. שילער, א. קאַמינסקאַ.

אַ בליק אויף דער מאַרשאַלקאָווסקע



אַ בליק אויף אַ רעזידענץ־געגנט אין וואַרשע.



אַלגעמײַנער בליק אויף איינעם פון די נײַע
רעזידענץ־געגנט אין וואַרשע.

מאָדערנע הײַזער־בלאָקן אין נײַעם וואַרשע

די דאָזיקע חורבות זענען שוין
אין אַ גרויסער מאָס ווידער־
אויפגעבויט געוואָרן.

וואַרשע, אַ בליק אויף דער
אַרטעריע (טראַסע) מזרח־מערב.

וואַרשע: פאַלאַץ פון קולטור און וויסנשאַפט אויפן נאָמען פון יאָסיף סטאַלין



דאָס פלאַץ פון דער קאָנסטיטוציע.

אויסצוגן פון פּױלישן באַפרײַונג - מאַניפעסט
פון 22טן יולי 1944

דער נאַציאָנאַלער לאַנדראַט איז דער צײַטװײַליקער פּאַרלאַמענט. דער פּױלישער נאַציאָנאַלער באַפרײַונגס־קאָמיטעט איז דער אויספיר־אָרגאַניזם, װאָס איז באַרופן צו פירן דעם קאַמף פאַר באַפרײַען דאָס פאָלק, פאַר דעראָבערן די אומאָפּהענגיקייט און אויך פאַר דעם אויפבוי פון דער פּױלישער מלוכישאַפט.

●

דאָס אויפבויען די פּױלישע מלוכישאַפט איז באַזירט אויף דעם צוריקקער פון די דעמאָקראַטישע פרײַהייטן, אויף דער גלײַכהייט פון אַלע בירגער, אָן אונטערשייד פון ראַסע, גלויבן און נאַציאָנאַליטעט. די דעמאָקראַטישע פרײַהייטן קענען נישט דינען די שונאים פון דער דעמאָקראַטיע. די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס װעלן װערן אויסגעראָטן מיט דער גאַנצער שאַרפקייט פון געזעץ.

●

עס װעט גלײַך דורכגעפירט װערן אַ ברייטע פלעבעיִשע אַגראַר־רעפאָרם דורכן שאַפן אַן ערדפאָנד, װעלכער נעמט איבער דעם באָדן װאָס האָט געהערט צו די דײַטשן, פאָלקספאַררעטער און פּריצים.

●

די ייִדן, װעלכע זענען געװאָרן אַזוי אַכזריותדיק פאַרפאָלגט און אויסגעראָטן דורכן אָקופּאַנט, װעט פאַרזיכערט װערן דער אויפבוי פון זייער עקסיסטענץ װי אויך די געזעצלעכע און פאַקטישע גלײַכבאַרעכטיקונג.

●

הויכע מלוכישע אויסצייכענונגען פאַר יידישע געזעלשאַפטלעכע- און קולטור-טוערס, שרײַבערס און קינסטלערס

צום צענטן יאָרטאָג פון פאָלקס-פוילן זענען געוואָרן אויסגעצייכנט מיט הויכע מלוכישע אָרדנס די פאַרדינסטפולע יידישע געזעלשאַפטלעכע- און קולטור-טוערס, שרײַבערס און קינסטלערס:

שמעון זאַכאַריאַש — קאָמאַנדאָרן-קרייץ פונעם אָרדן „אַדראָדזעניע פאָלסקי“;

הערש סמאָליאַר — אָפיצירן-קרייץ פונעם אָרדן „אַדראַדדזעניע פאָלסקי“;

מיכאַל מירסקי — אָפיצירן-קרייץ פונעם אָרדן „אַדראַדזעניע פאָלסקי“;

יואל לאַזעבניק — אָרדן פון דער „אַרבעטספאָן“ 2טן קלאַס;

יצחק גאַרדין — קאַוואַלערן-קרייץ פונעם אָרדן אַדראַדזעניע פאָלסקי“;

בער מאַרק — גאָלדענער פאַרדינסטקרייץ;

דוויד ספאַרד — קאַוואַלערן-קרייץ פונעם אָרדן „אַדראַדזעניע פאָלסקי“;

יעקב וואַסערשטרום — גאָלדענער פאַרדינסטקרייץ;

מאיר מעלמאַן — קאַוואַלערן-קרייץ פונעם אָרדן „אַדראַדזעניע פאָלסקי;

יצחק גרודבערג-טורקאָוו — קאַוואַלערן-קרייץ פונעם אָרדן „אַדראַדזעניע פאָלסקי;

משה מעלמאַן — זילבערנער פאַרדינסטקרייץ;

דוויד קאַרפינאָוויטש — זילבערנער פאַרדינסטקרייץ;

ד. זשעלאַזאָ — זילבערנער פאַרדינסטקרייץ;

פון די אָרטיקע טוערס פון קולטור-געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פוילן זענען געוואָרן אויסגעצייכנט:

ל. ראָזענשטרײַך — אָפיצירן-קרייץ פונעם אָרדן „אַדראַדזעניע פאָלסקי;

ג. בראַנדשטעטער, י. גאָלדקאָרן, עמנואל האַבער, יוסף הערשענבוים, משה קאַלמאָוויצקי — מיט אַ גאָלדענעם פאַרדינסטקרייץ.

פּ. ווײַנער, י. ביאַלאָסטאָצקי, ד. רויטבערג, ד. טייטלבוים, א. טענענבלאַט, ל. לעווי, ע. שטולבאַך — מיט אַ זילבערנעם פאַרדינסטקרייץ.

אונדזערע מיטאַרבעטער

אונדזערע מיטאַרבעטער

ד״ר אייזענשטאַדט שמואל

ד״ר אייזענשטאַדט שמואל, געבוירן אין 1886 אין באָריסאָוו (ווײַסרוסלאַנד). ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר. דער פאָטער — אַ משכּיל, געשריבן אין העברעיִש און ייִדיש — שיקט דעם זון שטודירן קיין אויסלאַנד. שמואל אייזענשטאַדט לערנט יורי און פילאָסאָפיע און באַקומט דעם טיטל דאָקטער אין בערנער אוניווערסיטעט פאַר זײַן דיסערטאַציע „די געשיכטע פון ייִדישן פּראָצעס־רעכט ביז צו חתימת התלמוד”.

אויסגעוויילט פון בערנער ייִדישן סטודענטן־קרײַז, באַטייליקט ער זיך אין דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, וווּ ער האַלט אַ רעפעראַט וועגן דער ייִדישער אָרטאָגראַפיע. זינט 1906 פאַרעפנטלעכט ער אַרטיקלען אין ייִדישע, העברעיִשע, רוסיש־ייִדישע און דײַטשע צײַטשריפטן, רעדאַקטירט דעם זשורנאַל „שחרית” (וואַרשע־אָדעס 1912—1914), און צוזאַמען מיט פּ. דיקשטיין די אויסגאַבע „המשפט העברי” (מאָסקווע 1920). אַלס גרינדער און טוער פון די „צעירי־ציון”” רעדאַקטירט ער זייער אָרגאַן „ערד און פרײַהייט” (מאָסקווע 1919).

אין ייִדיש פאַרעפנטלעכט: „די אַרבעטער־פראַגע און די אַרבעטער־געזעץ־געבונג אין דער ייִדישער מדינה” („צוקונפט” 1911), „די פאָלקסווירטשאַפט אין דער פאַרצײַטיקער ייִדישער מדינה” און „וואָס דערציילט אונדז דער תנך” (לעבן און וויסנשאַפט 1912, 5, 6, 7), „די סאָציאַלע אידעאַלן פון די נביאים” (ווילנע, קלעצקין־פאַרלאַג), „דער תלמוד און זײַן געשיכטע”.

איבערזעצונגען אין ייִדיש: מ. סאָלאָווייטשיקס „יסודות פון דער עלטסטער ייִדישער קולטור־געשיכטע” (ווילנע 1923), פון די אַפּאָקריפישע „ספר טוביה” און „ספר החשמונאים”, פון דער משנה „סדר נזיקין”. פאַרעפנטלעכט אויך אַ סאָציאַלן ראָמאַן אַ'ט „יוסף בריסקין” און אַ ריי גרעסערע אַרבעטן אין העברעיִש.

אין מאָסקווע האָט ער זינט 1916 פאַרנומען דעם אַמט פון פאַרוואַלטער פון דער ייִדישער אָפּטיילונג פון דער „רומיאַנצאָווער מלוכה־ביבליאָטעק” און איז אויך געווען לעקטאָר פון ייִדישער געשיכטע. זינט די 20ער יאָרן וווינט ער אין ישראל וווּ ער באַשעפטיקט זיך מיט וויסנשאַפטלעכער אַרבעט אויפן געביט פון אַלט־ייִדישן רעכט און איז איינער פון די גרינדערס און אַקטיווער טוער פון „אגודת תרבות לעם”. אין 1937 האָט ער זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פון איקוף, אין פּאַריז. אַלס טיפער קענער פון דער העברעיִשער שפּראַך איז ער אויך געווען פּאָרזיצער פון „וועד הלשון”. מיטאַרבעטער פון פאַרשידענע העברעיִשע אויסגאַבעס אין ישראל און אין אויסלאַנד; אָנפירנדיקער מיטגליד פו דער שלום־באַוועגונג אין ישראל און פון דער „געזעלשאַפט פאַר פרײַנדשאַפט צווישן ישראל און ראַטן־פאַרבאַנד”. זיך באַטייליקט אין דעם אַלוועלטלעכן שלום־קאָנגרעס אין ווין און לעצטנס אין העלסינקי, ווי אויך אין דעם אַלוועלטלעכן ייִדישן קאָנגרעס קעגן דײַטשער ווידערבאַוואָפענונג אין פּאַריז (יוני 1955).

בליץ צאַלעל

(קורצע ביאָגראַפישע שטריכן)

צאַלעל בליץ איז דער ליטעראַרישער פּסעוודאָנים פון מוליע קאַהאַן (שמואל איסר כהנא).

געבוירן אין דער קרײַזשטאָט סווענציאַן, ווילנער וואָיעוואָדשאַפט, אין יאָר 1909. זײַן יוגנט איז צונויפגעפאַלן מיטן אימפּעטפולן אויפשטײַג פון ייִדישן קולטור־לעבן אין פּוילן און ספּעציעל אין ווילנער ליטע.

געענדיקט די 8קלאַסיקע ייִדיש־וועלטלעכע צישאָ־גימנאַזיע אין זײַן געבוירן־שטאָט (1927). שטודירט אַ יאָר צײַט אויפן הומאַניסטישן פאַקולטעט פון דער וואַרשעווער „וואָלנאַ וושעכניצאַ פּאָלסקאַ” (1927—28). אַריבערגעפאָרן אין פראַנקרײַך, וווּ געענדיקט דעם אַגראָנאָמישן אינסטיטוט פון טולוזער אוניווערסיטעט (1931). נאָכן צושטעלן די דיסערטאַציע „די באַקטערישע טראַנספאָרמירונגען פון אָרגאַנישע שטאָפן און זייער פאַרבינדונג מיט די ביאָלאָגישע פּראָצעסן פון באַארבעטן באָדן”, באַקומען דעם טיטל אינזשעניער־אַגראָנאָם.

זיך אומגעקערט אַהיים, כדי אָפּצודינען 1 ½ יאָר אין פּוילישן מיליטער, אין ביאַליסטאָק (1932—33). אין 1935 עמיגרירט קיין בראַזיל, וווּ געווען אַ האַלב יאָר און אָפּגעגעבן זיך מיט קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין די פּראָגרעסיווע קרײַזן. אין 1936

אַריבערגעפאָרן קיין אַרגענטינע, וווּ געאַרבעט ביַי זיַין אַגראָנאָמישן פאַך און געווען אַדמיניסטראַטאָר אין די יִקאַ־קאָלאָניעס: קלאַראַ, סאַן־אַנטאָניאָ, לוסיענוויל, מאָנטעפיאָרע און סאַנטאַ־איזאַבעל (1943—1936).

צוליב אידעאָלאָגיש־פּאָליטישע מאָטיוון געמוזט פאַרלאָזן די יִקאַ. געוואָרן לאַנדווירטשאַפטלעכער אַדמיניסטראַטאָר פון דער קאָלאָניע כוליאָ לעווין (1945—1944). אין 1946 איבערגענומען דעם אַמט פון פאַרוואַלטער פון אַרגענטינער יִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייִוואָ (1952—1946). צוליב קאָנפליקטן אויפן אידעאָלאָגישן באָדן פאַרלאָזן דעם ייִוואָ און איבערגענומען דעם אַמט פון דירעקטאָר פון דער י. ל. פּרץ־שול אין וויזשאַ לינטש, אַן אַמט וואָס ער פאַרנעמט ביז איצט.

אָנגעהויבן שריַיבן צו 13 יאָר, אין יִדיש און העברעיִש. רעדאַקטירט דעם גימנאַזיאַלן שולזשורנאַל „אונדזער וועלט”. געשריבן אין אַלע זשאַנערן, אָבער פאַרעפנטלעכט בלויז פּאָעזיע און קינסטלערישע רעפּאָרטאַזשן אין אַ ריי צײַטשריפטן פון פּוילן („ליטעראַרישע בלעטער”, „וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור”, „ליטעראַרישע טריבונע”, „דער פריַינד” א״א). נאָכן אַריבערפאָרן קיין אַרגענטינע, פאַרעפנטלעכט לידער, עסייען, ליטעראַטור־קריטיק און קינסטלערישע רעפּאָרטאַזשן אין אַלע פּראָגרעסיווע אויסגאַבעס פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט. זינט 1940 — שטענדיקער מיטאַרבעטער און מיטרעדאַקטאָר פון זשורנאַל „איקוף”. אַ פּאָר יאָר געווען דירעקטאָר פון דער ליטעראַרישער זיַיט אין דער טאָגציַיטונג „היַינט”, ביז איר שליסן זיך.

אין 1948 — דערשינען אין „איקוף”־פאַרלאַג זיַין בוך „טרוימען אָנגעטאָן אין שטאָל” (קווערשניטן) און די בראָשור „די טשערנאָוויצער קאָנסטיטוציע”. איבערגעזעצט ב. פּאָלעוואָים „די געשעכטע פון אַן עכטן מענטשן” און ר. פּאַרקערס „די פאַרשווערונג קעגן שלום”. האָט גרייט צום דרוק אַ ריי אַנדערע ווערק. שריַיבט אויך אונטער פּסעוודאָנימען וועגן אַקטועלע טאָגפּראָבלעמען.

האָט פאַרעפנטלעכט הונדערטער אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע טעמעס און געהאַלטן אָן אַ שיעור רעפעראַטן אין אַלע ווינקלען פון לאַנד. איז זינט דעם יאָר 1952 פּאָרזיצער פון אַרגענטינער „איקוף”.

באַשע בערמאַן (1953—1907)

באַשע בערמאַן, פון דער היים טעמקין איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע אין אַן אָרעמער יִדישער היים. פון קינדוויַיז אָן האָט זי זיך געראַנגלט מיט מאַטעריעלע שוועריקייטן, אָבער איר געוואַלדיקער דורשט נאָך וויסן האָט גובר געווען די שוועריקייטן. זי לערנט זיך פיבערהאַפט. גאָר יונג ענדיקט זי די סאָציאַלע און בילדונגס־אָפּטיילונג אין אַ וואַרשעווער הויכשול און ספּעציאַליזירט זיך אין ביבליאָטעקאַר־וועזן. נאָכן פאַרענדיקן דאָס שטודיום אַרבעט זי ווי אַ לייטערין פון אַן אָפּטיילונג פון דער וואַרשעווער שטאָטישער ביבליאָטעק.

באַשע בערמאַן איז פון קינדוויַיז אָן אַ הייסע ליבהאָבערין פון דער יִדישער ליטעראַטור און פון יִדישן בוך. זי ווערט אַ רעפערענטין פון יִדישן בוך אין דער גרויסער פּוילישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק. אַזוי האָט זי געאַרבעט אומדערמידלעך ביזן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אַפילו אין וואַרשעווער געטאָ האָט באַשע בערמאַן נישט פאַרלאָזט דעם פּאָסטן. זי האָט אָרגאַניזירט אַ שיינע קינדער־ביבליאָטעק ביַי דער קינדערשוץ־צענטראַלע און אָנגעפירט מיט איר. נאָך דער באַפריַיונג האָט זי געווידמעט אַ סך ציַיט און מי אויף צונויפזאַמלען יִדישע ביכער פון ביבליאָטעקן וואָס זענען רויִנירט געוואָרן בעת דער היטלער־אָקופּאַציע. זי איז געווען די לייטערין פון דער צענטראַלער יִדישער ביבליאָטעק ביַים צענטראַל־קאָמיטעט פון די יִדן אין פּוילן. אין דער ביבליאָטעק זענען צונויפגעזאַמלט געוואָרן 100.000 בענד.

אויך אין ישראל האָט זי, נישט קוקנדיק אויף דער שווערער קראַנקהייט, אָנגעפירט מיט אַ קינדער־ביבליאָטעק ביַי אַ גרויסער פאָלקסשול.

ביזן לעצטן מאָמענט איז זי געווען אַן ענטוזיאַסטישע ליבהאָבערין פונעם פּראָגרעסיוון בוך, באַזונדערס פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

פון די יוגנטיאָרן איז באַשע בערמאַן (טעמקין) געווען אַן אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טוערין. אַ קורצע ציַיט האָט זי געהערט צום „השומר הצעיר””, אָבער די אידעאָלאָגיע און דער גײַסט פון דער אָרגאַניזאַציע האָט איר נישט אָנטשפּראָכן. זי איז אַריינגעטראָטן אין דער לינקער „פּועלי ציון”־פּאַרטיי און געהערט צום ראַדיקאַלן פליגל פון דער פּאַרטיי. נאָך אין די סטודענטישע יאָרן, אַלס סעקרעטאַרין פון דער סטודענטישער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „יוגנט”, נעמט זי אָנטייל צוזאַמען מיט אַדאָלף בערמאַן אין אַנטיפאַשיסטישע איינהייט־פראָנטיקע אַקציעס אין איינעם מיט פּוילישע לינקע סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן.

אין דער ציַיט פון דער היטלער־אָקופּאַציע איז זי געווען אַקטיוו אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ און אינעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק. די וויכטיקסטע קאָנספּיראַטיווע אַרבעטן פירט זי אויס אויף דער „אַרישער זיַיט” אין וואַרשע. זי ווערט איינע פון די הויפּט־אָנפירערינס מיט דער אונטערערדישער רעטונגס־אַקציע. זי פירט אָן מיט איבער 100 הילפסקעמערלעך, וועלכע האָבן אין די טראַגישע באַדינגונגען געגעבן הילף טויזנטער יִדן און געראַטעוועט זיי פון טויט. זי וואַקסט אויס צו איינע פון די פּאָפּולערסטע לעגענדאַרע געשטאַלטן פון „יִדישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט” און פון „אַלפּוילישן הילפסראַט פאַר יִדן”. נישט געקוקט אויף איר יִדישן אויסזען גייט זי אַרום און פירט אָן פערזענלעך מיט דער אַרבעט, אַרויסוויַיזנדיק אומגעהיַיערן מוט און אָפּפערוויליקייט. איר טעטיקייט האָט זי געפירט אין ברידערלעכער צוזאַמענאַרבעט מיט פּוילישע פּראָגרעסיווע און רעוואָלוציאָנערע קריַיזן.

מיט אַ באַזונדערער זאָרגפאַלקייט האָט זי געזאַמלט דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן מאַרטירערטום און העלדישן קאַמף פונעם פּוילישן יִדנטום.

די גאַנצע ציַיט פון דער היטלער־אָקופּאַציע איז זי געווען פּאָליטיש אַקטיוו אַלס מיטגליד פון אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון „פּועלי ציון” און אַן אַקטיווע טוערין פונעם אייַנהייטלעכן פראָנט מיט דער רעוואָלוציאָנערער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי.

נאך דער באפרייונג דורך דער סאוועטישער ארמיי, הערט זי נישט אויף איר אקטיווע געזעלשאפטלעכע טעטיקייט. די פוילישע פאלקס־רעגירונג האט זי באערט פאר אירע גרויסע פארדינסטן אין אנטיפאשיסטישן קאמף מיט דער הויכער מלוכישער אויסצייכענונג „פאלאניא רעסטיטוטא".

אין 1950 קומט זי קיין ישראל. זי ווארפט זיך גלייך אריין אין דער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט. זי איז א מיטגליד פון הויפטראט פון מפ"ם, זי געהערט די גאנצע צייט צום עקסטרעם לינקן פליגל פון דער פארטיי. זי געהערט צו די גרינדער פון דער ליגע פאר פריינדשאפט ישראל־פוילן. ווען עס ברעכט אויס דער גרויסער אידעיש־פאליטישער קאמף אין מפ"ם, שליסט זיך אן באשע בערמאן צו דער „לינקער פראקציע" און ווערט איינע פון די גרינדער פון דער לינק־סאציאליסטישער פארטיי.

ביזן לעצטן אטעם פון איר לעבן איז זי געבליבן געטריי די אידעען פון שלום און פעלקער־פארברידערונג, פון סאציאליזם, נאציאנאלער באפרייונג און פראגרעס. ביזן לעצטן אטעם איז זי געווען געטריי דעם ראטן־פארבאנד און דער זיגרייכער וועלט פון פראגרעס און שלום.

מאגיסטער בערנשטיין טאניא

מאגיסטער בערנשטיין טאניא, געבוירן אין יאר 1906 אין שעברעשין, לובלינער וואיעוואדשאפט. נאך אלס קליין קינד איז זי מיט אירע עלטערן אוועק קיין ווארשע, און זי האט פארענדיקט אין 1932 דעם אוניווערסיטעט מיטן טיטל „מאגיסטער פון פילאסאפיע אויפן געביט פון געשיכטע". די מלחמה־יארן האט זי איבערגעלעבט אין ראטן־פארבאנד ווו זי איר מאן, א באקאנטער רעוו' טוער, איז געפאלן אין שלאכט ווי א רויטארמייער. נאך איר אומקערן זיך קיין פוילן אין 1946 איז זי געווארן א מיטארבעטערין אין דער „יידישער צענטראלער היסטארישער קאמיסיע" אין לאדזש און איז שפעטער איבערגעגאנגען צום „יידישן היסטארישן אינסטיטוט" אין ווארשע. היינט פירט זי אן מיטן ארכיוו פון דאזיקן אינסטיטוט און איז אויך רעדאקציע־מיטגליד פון די „בלעטער פאר געשיכטע".

טאניא בערנשטיין האט פארעפנטלעכט א ריי וויסנשאפטלעכע ארבעטן וועגן דער פארניכטונג פון דער יידישער באפעלקערונג אין ווארשעווער און לובלינער דיסטריקט, וועגן ווירטשאפטלעכע פראבלעמען אין די געטאס און אין פוילן בכלל אונטער דער היטלעריסטישער אקופאציע, ווי אויך וועגן דער ארבעטער־באוועגונג און דעם קאמף קעגן פאגראמען אין דער צייט פון סאנאציע־פוילן. איצט רעדאגירט זי א גרויסע קאלעקטיווע ארבעט וועגן דער יידן־אויסראטונג אין אקופירטן פוילן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

גוטע גוטערמאן

געבוירן אין יאר 1911 אין שטעטל מאגעלניצע, לעבן ווארשע. פון 1924 ביז דער היטלער־אקופאציע געוווינט און געארבעט אין ווארשע. דעביוטירט אין די ווארשעווער „ליטערארישע בלעטער" אין 1936. פארעפנטלעכט לידער אין דער „פאלקסצייטונג". די מלחמה־יארן 1939—1946 איבערגעלעבט אין ראטן־פארבאנד, פארעפנטלעכט לידער אין מינסקער „אקטיאבר" און אין „שטערן". נאך דער נאצי־אקופאציע צוריקגעקומען קיין פוילן.

אין 1948 ארויסגעגעבן א בוך לידער „דער אפגרונט רוישט" דורכן פארלאג „יידיש בוך" אין לאדזש. געדרוקט לידער אין דער יידישער פרעסע אין לאנד און אין אויסלאנד. אנהייב 1951 אויסגעוואנדערט קיין ישראל. פארעפנטלעכט לידער אין „פריי ישראל", „נייוועלט", אין ניו־יארקער „יידישע קולטור" און אין אנדערע אויסגאבעס אין לאנד און אין אויסלאנד. דאס איצטיקע וווינארט: ישראל.

גראסבארד יהושע

יהושע גראסבארד איז געבוירן געווארן אין יאר 1902 אין שטעטל סעראצק, ביי ווארשע. צו 12 יאר הייבט ער אן העלפן דעם טאטן, וואס איז געווארן א שטובן־מאלער. אין 1926—27 לערנט ער א געוויסע צייט אין ווילנע ביי די מאלער פראפ' לודאמיר סלענדזינסקי און ראובע, דערנאך אין ווארשע אין דער גערסאן־שול און ביים מאלער פראפ' מארטשעווסקי.

צום ערשטן מאל באטייליקט ער זיך אין א בילדער־אויסשטעלונג אין ווילנע אין 1927. זינט 1928 ארבעט ער און שטעלט אויס אין ווארשע. דאס לעצטע מאל איז ער געווען באטייליקט אין 5טן יובל־סאלאן פון ווארשעווער קינסטלער־פאראיין, אין פעברואר־מארץ 1939.

פון יולי 1939 איז ער אין ישראל, ווו ער ארבעט אלס שטוב־ און קונסט־מאלער. באטייליקט זיך אין אלע אויסשטעלונגען פון „אגודת הציירים ומפסלים בישראל". זינט 1942 טעטיק אין קאמיטעט פון חיפער קינסטלערס און איז פארשטייער פון חיפה אין צענטראלן לאנד־קאמיטעט פון די ישראל־קינסטלערס. ער איז אויך א מיטגליד פון קינסטלערדארף „עין־הוד".

יהושע גראסבארד איז זיין גאנץ לעבן געזעלשאפטלעך פארבונדן מיט דער פראגרעסיווער און ארבעטער־באוועגונג. צווישן אנדערם איז ער געווען א קאמיטעט־מיטגליד פון דער „ליגע פאר פריינדשאפט ישראל־פססר" און לעצטנס מיטגליד פון לאנדראט פון דער „תנועת הידידות ישראל־ברית המועצות".

זאַקין מאָטל

זאַקין מאָטל, געבוירן דעם 14טן יאַנואַר 1910 אין שטעטל ביטען, לעבן סלאָנים, מערב־ווײַסרוסלאַנד. געענדיקט די ייִדישע געזעלשאַפטלעכע גימנאַזיע אין סלאָנים ווו די לימודים־שפּראַך איז געווען פּויליש. האָט דערנאָך שטודירט אין פראַנקרײַך, אין די שטעט רואַן און נאַנסי, און געענדיקט אויף עלעקטראָ־אינזשעניער. ער האָט אויך באַקומען דעם דיפּלאָם פון „מאַגיסטער פון עקזאַקטע וויסנשאַפטן". זינט סעפּטעמבער 1934 געפינט ער זיך אין אַרגענטינע.

נאָך אין די גימנאַזיע־יאָרן האָט זיך זאַקין אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. ער האָט דעמאָלט געהערט צו דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון די לינקע פּועלי־ציון. שפּעטער, אין פראַנקרײַך, האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער ייִדישער פּראָגרעסיווער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע „פּונק" וואָס פון אירע רייען קומט אַרויס אַזאַ ווײַכטיקע פּערזענלעכקייט ווי דער באַקאַנטער קולטור־טוער און שרײַבער אין נײַעם פּוילן, דוויד ספּאַרד.

אין אַרגענטינע איז זאַקין געווען במשך פון 12 יאָר אַן אָנפירנדיקער מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון ייִוואָ, ווו ער האָט פאַרנומען דעם אַמט פון גענעראַל־סעקרעטאַר. ער איז אויך עטלעכע יאָר געווען פּאָרזיצער פון אַרגענטינער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער „אײַפט" און איצטער איז ער מיטגליד פון פּרעזידיום פון איקוף.

זאַקין האָט פאַרעפנטלעכט אַרבעטן אויף לינגוויסטישע, ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע טעמעס אין די אויסגאַבעס פון ייִוואָ (אין צפון־אַמעריקע און אַרגענטינע), אין די זשורנאַלן „איקוף" און „נײַ־טעאַטער", אין „די פּרעסע" א"א. א געוויסע צײַט איז ער געווען מיטרעדאַקטאָר פון דער זײַט „אונדזער לשון" אין זשורנאַל „איקוף". ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער וואָכנשריפט „טריבונע".

זאַקס מענדל



געבוירן אין 1897 אין דער קרײַזשטאָט קאָנין, דער וואָרט (וואַרטאַ), געוו' קאַלישער גובערניע, איצט פּויזנער וואָיעוואָדשאַפט. דער פאָטער, אַ גערער חסיד, האָט אָנגעפירט אַ וואַרשטאַט פון מצבה־קריצערײַ ווו דער שטענדיקער שטויב פון שטיינער האָט אים אויפגעגעסן די לונגען און ער איז געשטאָרבן אין עלטער פון 44 יאָר. זײַן מוטער, אַן אויפגעקלערטע פרוי וואָס האָט געקענט שפּראַכן און איז געווען באַהאַוונט אין דער וועלט־ליטעראַטור, האָט נאָכן מאַנס טויט אין גאַנצן פאַרוואַלטעכט די שטוב. די טעכטער זענען שוין פריער געגאַנגען אין די „שקאָלעס" און האָבן צווישן זיך גערעדט פּויליש, אָבער איצט איז אויך געקומען די צײַט אויף די דרײַ זין פון וועלכע מענדל זאַקס איז געווען דער מיטלסטער. זײַן עלטסטער ברודער איז געווען אַ ישיבה־בחור, כאָטש אין געהיים האָט ער זיך געגרייט צו דער מאַטורע. ער פאָרט קיין וואַרשע, ווערט אַן אײַנגייער בײַ פּרצן, וועמען ער ווײַזט זײַנע ליטעראַרישע פּרוּוון, און פאַרעפנטלעכט אין טעגלעכן „פרײַנד" אַ נאָוועלע פון שטעטלדיקן לעבן („נישט באַשערט", געחתמעט "אברהם בן חיים").

נאָכן פאָטערס טויט פירט ער אָן די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין קאָנין. אין 1905 אַנטלויפט ער קיין שווייץ ווו ער שטודירט פילאָסאָפיע און אַלטע שפּראַכן, באַקומט דעם ד"ר טיטל און ווערט רעדאַקטאָר פון אַ פילאָסאָפישן זשורנאַל אין גענף. בעת היטלער באַדראָט די שווייץ פאָרט ער קיין פּאַריז און אין דער צײַט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע באַהאַלט ער זיך אין אַ פראַנצויזישן דאָרף, אין פײַכטע גריבער, ווו ער באַקומט אַ פּאַראַליז און שטאַרבט עטלעכע יאָר נאָך דער באַפרײַונג.

א צווייטער קרבן פון היטלעריזם אין דער משפּחה איז געווען זאַקסעס ייִנגערער ברודער, וועלכער איז פאַרבליבן אין פּוילן נאָכן פאַרענדיקן דעם וואַרשעווער אוניווערסיטעט. זאַקסעס מוטער און שוועסטער האָבן נאָך אין די 20ער יאָרן פאַרלאָזן פּוילן. די מוטער איז אין לאָס אַנדזשעלעס געווען געזעלשאַפטלעך טעטיק ביזן טיפן עלטער .זי האָט מיטגעאַרבעט אין די איקוף־אָרגאַניזאַציעס ביז איר טויט. צו איר שלושים איז פאָרגעקומען אַ מעמאָריאַל־אַקט בײַ דער באַטייליקונג פון פּראָגרעסיווע רעדנערס, לערערס און שרײַבערס.

פון די שוועסטער געפינען זיך צוויי אין קאַליפאָרניע, איינע (וואָס איז פריער געווען אין אַרגענטינע) — אין ניו־יאָרק, ווו זי איז אַ טוערין און לערערין אין די פּראָגרעסיווע שולן, און נאָך איינע אין מאָסקווע. זי איז אין 1929 צוזאַמען מיטן מאַן אַוועק פון קאַליפאָרניע קיין ביראָבידזשאַן און דערנאָך זיך באַזעצט אין מאָסקווע, ווו זי איז ביז הײַנט פּראָפעסאָרין פון ענגליש.

מיטן טויט פון פאָטער איז אויך מענדל זאַקס איבערגעגאַנגען צו וועלטלעכע לימודים און פאַרלאָזט דעם חדר, ווו ער איז געווען דער ייִנגסטער צווישן די גמרא־ייִנגלעך. צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפּחה איז ער אַוועקגעפאָרן קיין קאַליש. ר'האָט זיך צוגעגרייט אַרײַנצוטרעטן אין דער דאָרטיקער גימנאַזיע. זײַנע לערערס זענען געווען די עלטערע שוועסטער און דער שפּעטער באַקאַנטער טעאַטער־קריטיקער און זשורנאַליסט נ. בוכוואַלד, וואָס האָט דאַן צײַטווייליק געוווינט אין קאַליש. זאַקס איז אין יענער צײַט שטאַרק געווען באַאײַנפלוסט פון פּוילישן פּאַטריאָטיזם און ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ער וועט זיך אין גאַנצן קענען אויסלעבן אין דער פּוילישער קולטור. אָבער דער אָפּשטויסנדיקער אַנטיסעמיטיזם האָט אים מיט דער צײַט צוריקגעפירט צו ייִדישע פּראָבלעמען און אין די העכערע קלאַסן פון דער גימנאַזיע איז ער אַפילו געוואָרן דער אָנפירער פון אַ שולקרײַז וואָס האָט אָנגענומען די אידעאָלאָגיע פון די לינקע פּ"צ. גלײַכצײַטיק האָט ער זיך שוין דאַן אָפּגעגעבן מיט שרײַבן, אָבער בלויז אין פּויליש. אויף זײַנע ליטעראַרישע נייגונגען האָט אין אַ גרויסער מאָס געווירקט די אייגענע שטוב ווו ס'איז אַרײַנגעקומען סײַ די פאַרפּוילישטע ייִדישע אינטעליגענץ, סײַ די ייִדיש־רעדנדיקע, צווישן זיי אויך שרײַבערס אַזעלכע ווי שמעון האָראָנטשיק ,הערשעלע ,דער באַרימטער דיכטער אשר שוואַרצמאַן (וואָס האָט דאַן געדינט אין קאַליש) און אויך פּרץ אָפּאָטשינסקי (אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ. זײַנע שאַפונגען זענען געפונען געוואָרן אין רינגעלבלום־אַרכיוו. וועגן ביידע האָט זאַקס אין דער צײַטונג „דער וועג" פאַרעפנטלעכט זכרונות). פאַר שוואַרצמאַ־

נען און אויך פאַר אַנדערע האָט זאַקס געוויזן זײַנע ליטעראַרישע פּרוּוון. אין שטוב זענען אָפט פאָרגעקומען צוזאַמענקונפטן וווּ מ׳האָט פאָרגעלייענט פּוילישע און אויך ייִדישע שאַפונגען, דיסקוטירט וועגן זיי און דערנאָך אָפט געזונגען און פאַרבראַכט.

אין די יאָרן 1917—1918 איז זאַקסן אויסגעקומען צו פאָרן אויף קאָנפערענצן אַלס דעלעגאַט פון דער פּ״צ־שוליוגנט פון קאַליש. פריִער צו דער ראַיאָן־קאָנפערענץ פון די לינקע פּ״צ אין לאָדזש און דערנאָך צו דער לאַנד־קאָנפערענץ אין וואַרשע, וווּ ער טרעפט זיך צום ערשטן מאָל מיט עמנואל רינגעלבלום, וועלכער האָט דאַן פאַרטרעטן די גאַליציאַנער פּ״צ־שוליוגנט. שפּעטער ווען זאַקס האָט געענדיקט די גימנאַזיע און איז אַרײַנגעטרעטן אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט האָט ער זיך גאַנץ אָפט געטראָפן מיט רינגעלבלומען אין אַקאַדעמישן באַראָכאָוו־קרײַז, צו וועלכן ביידע האָבן געהערט און אַ געוויסע צײַט האָבן ביידע אויך פאַרטראָטן דעם דאָזיקן סטודענטן־קרײַז אין עקז׳ קאָמיטעט פון די וואַרשעווער לינקע פּ״צ.

אין יענע סטודענטישע יאָרן האָט זאַקס זיך אַפילו אַ קורצע צײַט פאַרנומען מיט אויפזאַמלען בײַ וואַרשעווער ייִדן פאָלקסלידער. די עטלעכע פאָלקסלידער וואָס זענען פאַרעפנטלעכט אין „פּנקס וואַרשע" האָט ער אויפגעזאַמלט בײַ די טעכטער פון אַ ייִדישן בלעכער.

פון דעסט וועגן האָט ער נאָך אַלץ נישט געשריבן ייִדיש. ווען ער איז אָנגעקומען קיין בוענאָס־איירעס אין 1923, האָט ער אויף דער אײַנלאַדונג פון שעף־רעדאַקטאָר פון די „פּרעסע", פּיניע קאַץ, פאַרעפנטלעכט אין דער דאָזיקער צײַטונג אַ סעריע אַרטיקלען אויף דער טעמע: „די רעאַקציע אין פּוילן און אירע סיבות". שפּעטער איז געקומען אַ גרעסערע באַשרייבונג שוין אויף אַ לאָקאַלער טעמע: „אויף די אינדזלען פון סאַן פערנאַנדאָ" (פון וועלכע איין קאַפּיטל איז מיט יאָרן שפּעטער אַרײַן אין דער „אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע"). ווײַטער איז געקומען אַ גרעסערע אַרבעט אין אַ רײַ אַרטיקלען אויף דער טעמע: „פאַטאַליזם אָדער פאַרענדערונג־געזעץ". דערנאָך קומען דיסקוסיע־אַרטיקלען, ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען וועגן די פּוילישע און אויך ייִדישע קלאַסיקערס, און אַנדערע. מיט יאָרן שפּעטער ווערט זאַקס דער איבערזעצער פון דעם דײַטשן אַנטיפאַשיסטישן שרײַבער ד״ר פּאָול צעך (רענאַנוס) וואָס פאַרעפנטלעכט זײַנע אַרבעטן וועכנטלעך אין „די פּרעסע" און דערנאָך אויך אין „די וואָך". גלײַכצײַטיק שרײַבט ער פון צײַט צו צײַט פּויליש און אין 1927 איז ער רעדאַקטאָר פון אַ פּוילישער צײַטונג („דער עמיגראַנט אין אַרגענטינע"). אַ קורצע צײַט רעדאַגירט ער אין ייִדיש און שפּאַניש אַ פּעריאָדישע אויסגאַבע פון די היימשנײַדערס. ס׳זענען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין סטודענטישן זשורנאַל „פּעכאַ" (אַרויסגעגאַנגען אין די 40ער יאָרן (זײַנע שפּאַנישע קאָנפערענצן וועגן ייִדישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר דער „פּעכאַ"־יוגנט וועגן מענדעלען און זײַנע ווערק).

אָבער נישט קוקנדיק אויף אַלע פאַרעפנטלעכטע זאַכן (אַ מאָל אויך געשריבן אין „רויטן שטערן" און אין זשורנאַל „אין גאַנג") האָט זײַן סטאַבילע זשורנאַליסטישע טעטיקייט זיך ערשט אָנגעהויבן אין דער צווייטער העלפט פון די 30ער יאָרן, ווען ס׳איז דערשינען די פּראָגרעסיווע אויסגאַבע „די וואָך". ער איז דאַן געווען דער איינציקער וואָס האָט דאָרט געטון אינערלעכע רעדאַקציע־אַרבעט. דערנאָך מיטן דערשיינען פון אָרגאַן 2 מאָל וועכנטלעך, האָט זיך די רעדאַקציע אויסגעברייטערט. די רעדאַקציע־אַרבעט זעצט ער פאָר אין די שפּעטערדיקע „די פאָלקסשטימע", „דער וועג" און צו לעצט אין „היינט". פאַרשידנאַרטיק איז געווען זײַן מיטאַרבעט: פּאָליטישע אַרטיקלען („דער פּאָליטישער מאָמענט אין „וועג"), ליטעראַרישע אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען וועגן טעאַטער, קינאָ, אויסשטעלונגען (פּסעוודאָנים „עמזאַ"), פעליעטאָנען (אַ קאָלבויניק), איבערזעצונגען פון גרעסערע ווערק (דאָס פאַלן פון פּאַריז 1טער טייל, און אַנדערע) נאָך דעם ווי ס׳איז פאַרמאַכט געוואָרן די טעגלעכע פּראָגרעסיווע צײַטונג, האָט ער מיטגעאַרבעט אין זשורנאַל „דער שפּיגל" און אויך געשריבן פאַר דער פּראָגרעסיווער פּוילישער צײַטונג אין ב׳ אײַרעס. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַרבעטן אין זשורנאַל „איקוף" אין „טריבונע" און „לאַנדסמאַנשאַפטן". אויך איבערגעזעצט אייניקע טעאַטער־פּיעסעס פאַרן „איפט" .

אין בוכפאָרעם אַרויסגעגעבן דורכן פאַרלאַג „דער וועג" אַ ביאָגראַפיש־ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונג וועגן י. ל. פּרץ. די אַרבעט איז אָנערקענט געוואָרן ווי די ערשטע פון דער ייִוואָ־קאָנקורס צום פּרץ־יאָר 1945.

טורקאָוו יצחק

טורקאָוו יצחק, געבוירן אין וואַרשע ווי דער פערטער זון פון דער באַקאַנטער טורקאָוו־משפּחה. ער האָט שטודירט אין העכערע דראַמאַטישע שולן און אַחוץ אַקטיאָר און רעזשיסער איז אויך שרײַבער, איבערזעצער און היסטאָריקער פון ייִדישן טעאַטער. זינט 1923 פאַרעפנטלעכט ער אַרטיקלען און רעצענזיעס. אין 1926 איבערזעצט ער אויף ייִדיש זשעראָמסקיס „ערב פרילינג" (פּשעדוויאָשניע) און סלאָוואַצקיס „דער פאָטער פון די פאַרפּעסטעטע" (אָיטשעץ זאַדזשומיאָניך).

די מלחמה האָט ער איבערגעלעבט אין ראַטן־פאַרבאַנד, פון וואַנען ער האָט זיך אומגעקערט אין 1946. אין נײַעם ייִדישן ייִשוב אין נידערשלעזיע איז ער געווען פון די הויפּטטוערס און זײַן פאַרדינסט איז אויך דאָס מיטבאַטייליקן זיך אין ווידערגעבורט פון ייִדישן טעאַטער אין פאָלקס־פּוילן. עס זענען באַרימט געוואָרן זײַנע קרעאַציעס פון אַ רײַ טעאַטער־געשטאַלטן, ווי יוליוס ראָזענבערג פון קרוטשקאָווסקיס פּיעסע „יוליוס און עטל", רב טאָדרעס אין אידאַ קאַמינסקיס דראַמאַטיזאַציע פון אָזשעשקאָוואַס „מאיר עזעפאָוויטש" און אַנדערע. צווישן אַנדערע אינסצעניזירט פּרצס ווערק, איז מחבר פון ליטעראַרישע און געשיכטלעכע אַרבעטן, ווי „די געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער אין פּוילן", אַ ביאָגראַפישע דערציילונג וועגן אסתר רחל קאַמינסקי, אַ שטודיום וועגן דער סאָוועטישער דראַמאַטורגיע. די אַלע אַרבעטן זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין פאָלקס־פּוילן דורכן פאַרלאַג „ייִדיש־בוך".

יצחק טורקאָוו איז אַ מיטגליד פון פּוילישן שרײַבער־פאַראיין און געהערט אויך צו דער פאַרוואַלטונג פון „קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַראיין פון ייִדן אין פּוילן". איצט זעצט ער פאָר זײַן אַרבעט וועגן דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער.

פּראָפעסאָר מאַרק בער

פּראָפּ׳ מאַרק בער געבוירן אין 1908 אין לאָמזשע (אַ ברודער פון באַקאַנטן שרײַבער אהרון מאַרק). אין 1927 באַזעצט ער זיך אין וואַרשע וווּ ער פאַרענדיקט אַ העברעיִשע שול. ער טרעט אַרײַן אין אוניווערסיטעט און אין 1931 באַקומט ער דעם דיפּלאָם פון מאַגיסטער פון יורידישע וויסנשאַפטן. ער שטודירט אויך ליטעראַטור און געשיכטע און זײַן דאָקטאָראַט־אַרבעט גרייט ער צו אויף דער טעמע פון דעם קאַמף צווישן אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם און רעוויזיאָניזם. די אַרבעט מוז ער אָבער איבעררײַסן, ווײַל ער ווערט אַרעסטירט אַלס רעוואָלוציאָנער.

זײַנע ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן האָט מאַרק אָנגעהויבן צו דרוקן אין 1938. ער איז שפּעטער געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער רעוואָלוציאָנערער צײַטשריפט „ליטעראַרישע טריבונע" און פון דער טעגלעכער צײַטונג „פרײַנד", וואָס די סאַנאַציע־רעגירונג האָט דערנאָך געשלאָסן. די „געשיכטע פון דער פּוילישער אַרבעטער־באַוועגונג", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין 1936, האָט די צענזור קאָנפיסקירט. דורכן פאַרלאַג „טאָמאַר" האָט ער אין די יאָרן 1938 און 1939 פאַרעפנטלעכט צוויי בענד פון זײַן גרויס ווערק „די געשיכטע פון די סאָציאַלע באַוועגונגען אין פּוילן", אָבער דער צווייטער באַנד איז געוואָרן קאָנפיסקירט. ער האָט אויך געשריבן אַ ריי אַרטיקלען, ליטעראַרישע, געשיכטלעכע און פּאָליטישע, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט סײַ אין דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּרעסע, סײַ אין די לעגאַלע אויסגאַבעס, צווישן זיי אויך אין די „ליטעראַרישע בלעטער". ער איז געווען פּאָפּולער ווי אַ פּרעלעגענט אויף ליטעראַרישע און פּאָליטישע טעמעס אין די לינקע פּראָפ׳ פאַראיינען און האָט אויך געהערט צו דער פאַרוואַלטונג פון שרײַבער־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אויף טלאָמאַצקע 13.

די מלחמה האָט בער מאַרק איבערגעלעבט אין ראַטן־פאַרבאַנד, וווּ ער האָט געאַרבעט אין דער ייִדישער סעקציע פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין דער אָפּטיילונג פאַר שפּראַך און געשיכטע. שפּעטער האָט ער זיך באַטייליקט אין ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און צו לעצט איז ער געווען פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר אין „אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פון פּוילישע ייִדן בײַם פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן" אין מאָסקווע.

סוף 1945 קערט ער זיך אום קיין פּוילן. ער שטייט אין שפּיץ פון די שפּעפערס פון באַנײַטן ייִדישן ייִשוב אין פּוילן. ער רעדאַגירט „דאָס נײַע לעבן" און זינט 1949 פאַרנעמט ער דעם דירעקטאָר־אַמט פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט. מאַרק איז אויך פאָרזיצער פון קלוב פון ייִדישע שרײַבערס בײַם פּוילשן שרײַבער־פאַראיין און פּרעזידיום־מיטגליד אין „קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַראיין פון ייִדן אין פּוילן". צו דעם איז ער אויך מיטגליד פון אַלגעמיינעם פּוילישן קאָמיטעט פון שלום־פאַרטיידיקערס און ראַטמאַן פון וואַרשעווער שטאָטראַט. אויף אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענצן האָט ער פאַרטראָטן די פּוילישע ייִדן און איז אויך געווען דעלעגאַט צום 1טן און 2טן וועלטקאָנגרעס פאַר שלום.

נאָך דער באַפרײַונג האָט בער מאַרק פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרבעטן וועגן די אויפשטאַנדן אין וואַרשעווער און אין ביאַליסטאָקער געטאָ, וואָס זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין פּויליש, פראַנצויזיש, דײַטש, רומעניש, גרוזיניש און נאָך אַנדערע שפּראַכן.

בער מאַרק איז מחבר פון אַרבעטן וועגן דער ליטעראַטור אין די געטאָס און לאַגערן, וועגן דער ייִדישער טראַגעדיע אין דער פּוילישער ליטעראַטור, וועגן וויקטאָר הוגאָ, אַדאַם מיצקעוויטש, און אַנדערע. באַקאַנט איז דער באַנד דאָקומענטן וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט וועגן וואַרשעווער געטאָ, צווישן זיי דער באַריכט פון גענעראַל יורגען סטראָאָפּ. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן די שאַפונגען פון די שרײַבערס פון וואַרשעווער געטאָ (פעלד, סקאַלאָוו, אָפּאָטשינסקי, פּערלע, קירמאַן, ווילטשינסקי, גאָלדין און נאָך אַנדערע).

אין 1954 האָט ער פון דער פּוילישער וויסנשאַפטס־אַקאַדעמיע באַקומען דעם פּראָפעסאָר־טיטל. פאַר זײַנע פאַרדינסטן איז ער אויסגעצייכנט געוואָרן דורך דער פּוילישער רעגירונג מיטן אָרדן „פּאָלאָניאַ רעסטיטוטאַ", מיטן גאָלדענעם פאַרדינסטקרייץ און מיט אַ מעדאַל צום 10יעריקן יובל פון פאָלקספּוילן. בײַ די פּוילישע ייִדן איז בער מאַרק שטאַרק פּאָפּולער ווי אַ רעדנער. איצט אַרבעט ער איבער אַ טעמע וועגן דער באַטייליקונג פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָלוציע פון 1905, ווי אויך איבער דער פּראָבלעם פון ייִדישע פּאַרטיזאַנערס בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. ער איז הויפּט־רעדאַקטאָר פון די „בלעטער פאַר געשיכטע" .

מעסטל יעקב

געבוירן דעם 25טן פעברואַר 1884 אין זלאָטשעוו (דעמאָלט גאַליציע, איצט מערב־אוקראַיִנע). אין 1905 געענדיקט פּויליש־אוקראַיִנישן לערער־סעמינאַר און די אונטערראַבינער־שול אין לעמבערג. געווען 3 יאָר לערער אין לעמבערגער הויפּטשולע. דערנאָך געענדיקט אין ווין די אָפּיציר־שול און די מלוכישע אַקאַדעמיע פאַר רעזשי און שוישפּיל. אין 1910 אַרײַנגעטראָטן אַלס רעזשיסער און שוישפּילער אין ייִדישן טעאַטער אין ווין. געשפּילט אויף דער עסטרײַכישער און גאַליצישער פּראָווינץ, אויך אין בערלין און לייפּציג (דײַטשלאַנד), אין יאַס (רומעניע), טשערנאָוויץ (בוקאָווינע). 1914—1918 מיטגעמאַכט אַלס אָבערלייטנאַנט אין דער עסטרײַכישער אַרמיי די ערשטע וועלט־מלחמה, געקעמפט כמעט אויף אַלע פראָנטן, 3 מאָל געווען פאַרוווּנדעט און באַקומען עטלעכע מעדאַלן. 1919—1920 מיטגרינדער, רעזשיסער און שוישפּילער פון דער „פרײַער ייִדישער פאָלקסבינע" אין ווין און לייטער פון דער ערשטער ייִדישער טעאַטער־שול.

זינט 1920 אין אַמעריקע. שוישפּילער און רעזשיסער אין מאָריס שוואַרצס „אידישן קונסט־טעאַטער" און יעקב בן־עמים „פאָלקס־טעאַטער" און צוזאַמען מיט זיי גאַסטראָלירט איבער אייראָפּע, נאָרד־אַמעריקע, קאַנאַדע און זיד־אַמעריקע. מיטגרינדער און רעזשיסער פונעם ייִדישן טעאַטער „אַרטעף" און דירעקטאָר און לערער פון די אַרטעף־סטודיעס. צו גלײַך רעזשיסער, שוישפּילער און סצע־

נאַריאָ־שרײַבער פֿאַר ייִדישע פֿילמען און ראַדיאָ; איצט אויך שוי־שפּילער בײַ טעלעוויזיע אויף ענגליש.

דעביוטירט מיט אַרטיקלען אין „וואָרהייט", לעמבערג 1903. געדרוקט לידער אין לעמבערגער „טאָגבלאַט", „ייִדישן פֿאָלקס־קאַלענדאַר", „ייִדישן אַרבייטער" און אַנדערע אויסגאַבעס, דערנאָך טעאַטער־ און ליטעראַטור־קריטיק אין דער טאָגפּרעסע און אין פֿאַרשידענע זשורנאַלן אין נאָרד־ און זיד־אַמעריקע און קאַנאַדע. איז מיטאַרבעטער פֿון דער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע" (ניו־יאָרק), און מיטרעדאַקטאָר פֿון „לעקסיקאָן פֿון ייִדישן טעאַטער", פֿון דעם זשורנאַל „ייִדישע קולטור" (ניו־יאָרק) און פֿון פֿאַרלאַג „איקוף".

אין בוכפֿאָרעם אַרויס — לידער און פּאָעמעס: „פֿאַרחלומטע שעה'ן (פֿאַרלאַג ח. איצקאָוויטש, לעמבערג, 1909, זז' 80); „אַ ליעבענס־ליד" (פֿ"ג „שולמית", קראָקע, 1911, זז' 60); „וויטאַ חייזר" (פֿ"ג „שולמית", קראָקע, 1913, זז' 44); „דמיונות" (איי־גענער פֿאַרלאַג, ווין־ניו יאָרק, 1921, זז' 207); „סאָלדאַטן־ און פּאַיאַצן — לידער, פֿאַרלאַג „בזשאָזאַ", וואַרשע, 1928, זז' 222). אין פּראָזע: „מלחמה־נאָטיצן פֿון אַ ייִדישן אָפֿיציר" (פֿ"ג ח. בזשאָזאַ, וואַרשע, ערשטע אויפֿלאַגע 1924, צווייטע אויפֿלאַגע 1927, ערשטער טייל 370 זז', צווייטער טייל 386 זז'). „לוקרעציאַס טויט" (פֿ"ג יאַטשקאָווסקי, וואַרשע, 1936, זז' 114); „אונדזער טעאַטער (פֿ"ג „איקוף", ניו־יאָרק, 1943, זז' 199).

געשריבן סצענאַריאָס צו די פֿילמען „די ייִדישע טאָכטער", „אַ מאָל איז געווען אַ מעשה", „דער אייביקער וואַנדערער", און די ענגלישע קאָמענטאַרן מיט אַ פּראָלאָג צו „תקיעת־כּף", „דיבוק" א"א.

איבערגעזעצט אויף ייִדיש (פֿון דײַטש): „אָט גייט אַ מענטש" פֿון אַלעקסאַנדער גראַנאַך (פֿ"ג „איקוף", נ' יאָרק, 1948 זז' 483); „זריעה־צײַט" (פֿ"ג „איקוף", מעקסיקע, 1949, זז' 324); (פֿון ענגליש): „פּיסקיל יו עס. עי." פֿון האָוערד פֿעסט („ייִדישע קולטור", נ' יאָרק, יוני, 1951); „ליטעראַטור און ווירקלעכקייט" פֿון האָוערד פֿעסט („ייִדישע קולטור", יולי 1950) א""א.

פּיעסן, וואָס זענען אויפֿגעפֿירט געוואָרן אויף דער בינע, פֿון דײַטש: „יוד זיס" פֿון לעאָן פֿויכטוואַנגער; „דעם שטנס שליחות" פֿון אַרנאָלד צווײַג; „קינדער־טראַגעדיע" פֿון ק. שענהער; „פּאַטאַ מאָרגאַנאַ" פֿון ערנסט וואַידאַ; „פּעריפֿעריע" („מאָרד" פֿון פּ. לאַנגע) פֿון ענגליש: „דער ביטערער שטראָם" פֿון פּ. וואָלפֿסאָן; „דער מאָרגן־שטערן" פֿון סילוויאַ ריגעדער, „דער גאָלדענער אָדלער" פֿון אָרניץ, „די וואָס פֿאַלן", „אייב לינקאָלן אין אילינאָי" פֿון א. אי. שערוווּד, „דער טויט פֿון אַ סעילסמען" פֿון מילער, (געדרוקט אין „ייִדישער קולטור", ניו־יאָרק, פֿון מײַ ביז נאָוועמבער 1950) א"א. פֿון פּויליש: „די פֿאַמיליע זאָנענברוך" פֿון לעאָן קרוטשקאָווסקי (ערשטע סצענע געדרוקט אין „ייִדישער קולטור", דעצעמבער, 1950).

עס זענען איבערגעזעצט געוואָרן אויף דײַטש: קאַפּיטלען פֿון „מלחמה־נאָטיצן" (איבערגעזעצט יצחק לריינג), אויף אונגאַריש (איבערזעצער: יאָזעף האָלדער) און אויף שפּאַניש: (אין בוענאָס־אײַרעס, אויגוסט, 1931). אויף ענגליש: „קריגסליד" (אין ניו־יאָרק, 1927, איבערזעצער ש. י. אימבער). אויף העברעיִש: אין „ספר צבי ביקלס שפּיצער" (פֿ"ג סנוניות, תל־אביב, איבערזעצער: דב שטוק) און אויך פֿיל ליטעראַטור־ און טעאַטער־אָפּהאַנדלונגען אויף ענגליש, שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש.

וויכטיקסטע ביבליאָגראַפֿיע: ז. רײַזען אין „לעקס' פֿון דער ייִד' ליט'" זז' 458-4'1 — ש. ניגער אין „די ייִדישע וועלט" 1914 זז' 150—151; א. ל. יאַקובאָוויטש, אין „הײַנט" 1922; ד"ר מ. בינענשטאָק אין Nasz Przegląd פֿון 30טן נאָוועמבער 1923; מ. ווייכערט אין „אונדזער פֿאָלקסצײַטונג" נומ' 140, 1926; זלמן זילבערצווײַג אין „לעקס' פֿון ייִד' טעאַטער" זז' 1369-1374! ראָבערט שטריקער אין – Jüdiscbe Zeitung – ווין, 8טן מאַרץ 1912; אב. זמן אין „ייִדישע וועלט" פֿילאַדעלפֿיע, אויגוסט 1920; ב. ראָזענצווייג אין Chwila 28/4, 1923; ד"ר מ. בינענשטאָק אין „טאַגנבלאַט" אָקט' 1923; פּראָפּ' ד"ר מאיר באַלאַבאַן אין „ליט' בלעטער", 45, 1924; ד"ר א. קליינמאַן אין „די צײַט", ניו־יאָרק 1925; יעקב קירשענבוים אין „די אידישע וועלט" קליוולאַנד, 8טן מײַ 1925; יאָזעף האָלדער אין Multes Jövó פֿעברואַר, 1926; פּ. וויערניק אין „מאָרגען זשורנאַל", ניו־יאָרק, מאַרץ 1928; מלך ראַוויטש אין „פֿאָלקס־צײַטונג" 16טן נאָוו' 1928; נ. בוכוואַלד אין „פֿרײַהייט" נ'י 29טן פֿעברואַר 1928; מ. אָלגין אין „פֿרײַהייט" 21טן דעצ' 1928; משה גראָס אין „ליט' בלעטער" 8טן יוני 1930; ד"ר ל. זשיטניצקי — „די פּרעסע" בוענאָס־אײַרעס 26טן יולי 1931; ש. ראָזשאַנסקי — „די אידישע צײַטונג", בוענאָס־אײַרעס 5טן אויגוסט 1931; קריטיקאַ - Diario Nacional סאַן פּאַולאָ בראַזיל, 10טן אָקט' 1931; י. ראַבינאָוויטש —„קענעדער אָדלער", מאָנטרעאָל, 23טן נאָוו' 1932; מ. שטאַרקמאַן — „טאָג" ניו־יאָרק 1944; אברהם טייטעלבוים — „ייִדישע קולטור", מאַרץ 1944.

סאַנדעל יוסף

יוסף סאַנדעל, געבוירן אין 1899 אין קאָלאָמיי. די שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען האָבן אים, אַלס אַכצניעריקן, פֿאַרטריבן פֿון דער היים. ביז 1935 האָט ער געוואַנדערט איבער דער וועלט. געווען אין דײַטשלאַנד, עסטרײַך, פֿראַנקרײַך, יוגאָסלאַוויע. ער האָט זיך ספּעציאַליזירט אַלס קונסט־היסטאָריקער. אין דרעזדן, בערלין, מינכען, פֿראַנקפֿורט, סאַארבריקען, בעלגראַד האָט ער אײַנגעאָרדנט אויסשטעלונגען פֿון פּראָגרעסיווע מאָלערס. פֿאַרפֿאָלגט דורך די היטלעריסטן, האָט ער אין 1935 זיך אומגעקערט קיין פּוילן וווּ ער האָט אָרגאַניזירט אויסשטעלונגען אין קוזמיר בײַ דער ווײַסל, קאָלאָמיי און ווילנע. ער האָט געשריבן אויף קונסטעמעס אין די „ליטעראַרישע בלעטער" און אַנדערע צײַטשריפֿטן. די מלחמה האָט ער איבערגעלעבט אין ראַטן־פֿאַרבאַנד וווּ ער איז געווען אַ לערער. נאָכן אומקערן זיך קיין פּוילן אין 1946 האָט ער אָנגעפֿירט מיט דער קונסט־אָפּטיילונג בײַם צענטראַל־קאָמיטעט פֿון ייִדן אין פּוילן. ער האָט אָרגאַניזירט אַקציעס אָפּצוראַטעווען העכער 1000 ווערטפֿולע ווערק פֿון ייִדישער קונסט. ער האָט זיך באַטייליקט אין אײַנאָרדענען די אויסשטעלונג אין ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט צום 5טן יאָרטאָג פֿון אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

אין פֿאָלקספּוילן האָט סאַנדעל פאַרעפנטלעכט אין יִידיש: „יִידישע מאָטיוון אין דער פּוילישער קונסט" און אַ מאָנאָגראַפיע וועגן שמואל הירשענבערג. אין פּויליש האָט ער אַרויסגעגעבן אַן אַרבעט וועגן די פאַרלוסטן פון דער יִידישער קונסט אַלס פּועל יוצא פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע. ער האָט אויך געשריבן אַ סך אַרטיקלען און רעצענזיעס אין די „בלעטער פאַר געשיכטע", „ביולעטין פון יִידישן היסטאָרישן אינסטיטוט", „פּשעגלאָנד אַרטיסטיטשני" און „יִידישע שריפטן". איצט גרייט ער צום דרוק אַן אַרבעט וועגן יִידישע פּלאַסטיקער וואָס זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין פּוילן בעת דער דײַטשער אָקופּאַציע.

סטוטשעווסקי יהוכין

יהוכין סטוטשעווסקי, געבוירן דעם 7טן פעברואַר 1891 אין ראָמני (בײַ פּאָלטאַווע, אוקראַיִנע), טשעליסט, קאָמפּאָזיטאָר, מוזיק־לערער און לעצטנס אויך פּיאָנער פון דער ישראל־מוזיק.

ער שטאַמט פון אַ פאַמיליע מוזיקערס פון אַ סך דורות, סײַ פון פאָטערס צד, סײַ פון מוטערס צד (זײַן פאָטער קלמן לייב סטוטשעווסקי איז געווען אַ קלאַרנעטיסט). צו פינף יאָר האָט ער אָנגעהויבן שפּילן פידל און צו 12 — וויאָלאָנטשעל. געענדיקט קאָנסערוואַטאָריע אין לייפּציק, אין 1912. איז אויפגעטראָטן ווי אַ סאָליסט אין פאַרשידענע שטעט פון אייראָפּע און געווען טעטיק ווי אַ פּעדאַגאָג אין יענאַ (דײַטשלאַנד), ציריך (שווייץ) פון 1914 ביז 1924, און ווין (עסטרײַך) פון 1924 ביז 1938. סטוטשעווסקי, וואָס האָט געהאַט גרויס דערפאָלג ווי אַ טשעליסט אַ וויטואָז, פאַרנעמט אַ באַזונדער וויכטיקע פּאָזיציע אין דער אַלגעמיינער פּעדאַגאָגיק פון וויאָלאָנטשעל. ער איז דער מחבר פון אַ לערנמעטאָד וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין זײַן בוך (אין דײַטש): „דאָס וויאָלאָנטשעל־שפּיל", אין 4 בענד. ער האָט אויך באַאַרבעט פאַרן דאָזיקן אינסטרומענט די בעסטע ווערק פון דער מוזיקאַלישער וועלט־ליטעראַטור, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך פאַרשידענע פאַרלאַגן. ווי אַ קאָמפּאָזיטאָר גיט זיך סטוטשעווסקי אָפּ מיט ענטוזיאַזם פאַר דער אויפלעבונג פון דער ישראל־מוזיק. זינט 1938 איז סטוטשעווסקי אין ישראל וווּ ער גיט זיך אָפּ מיט פאַרשפּרייטן די יִידישע מוזיק. ער אָרדנט איין קאָנצערטן אין די שטעט, דערפער און קיבוצים, האַלט רעפעראַטן אויף יִידישע מוזיק־טעמעס („דער תוך און די אַנטוויקלונג פון דער יִידישער מוזיק", „חסידישע ניגונים" א"א). ער האָט פאַרפאַסט נײַע קאָמפּאָזיציעס פאַר פּיאַנאָ, טשעלאָ, פידל און אָרקעסטער.

פאַרעפנטלעכטע ווערק: „120 חסידישע ניגונים", „יִידישע מוזיק", „מיין וועג צור יודישן מוזיק" (אין דייטש), ווי אויך אַ געשיכטלעכע אַרבעט וועגן כלי־זמרים.

פיניע קאַץ

געבוירן סוף 1881 אין דעם שטעטל גראָסולאָוואָ, אַדעסער קרײַז. דער פאָטער שניאור זלמן, אַן אָרעמער קרעמער, אַ משכיל, אַ זון פון אַ ליבאַוויטשער חסיד. פּ. האָט געלערנט אין חדרים, וועלטלעך וויסן באַקומען אויטאָדידאַקטיש. געלייענט העברעיִש, רוסיש און אוקראַיִניש. יִידיש כמעט נישט געלייענט ביז 1903, כאָטש אַלײַן געפּרוּווט שרײַבן לידער און אַ דערציילונג אין יִידיש נאָך אַלס 12־יעריקער יִינגל. ביז 14 יאָר געהאָלפן דעם פאָטער אין קלייטל און געוואַרט אַז דער פאָטער, וואָס האָט שוין געוווּסט אַז „עבודה איז דער יסוד החברה האנושית", זאָל אים אָוועקגעבן לערנען אַ „מלאכה נקיה וקלה". אַלײַן געפּרוּווט ווערן אַ צייכענער ,אַ גראַווירער, אַ שילדן־מאָלער. צום סוף זיך געשטעלט פאַר אַ לערנייִנגל אין אַן אײַנבינדערײַ אין טיראַספּאָל, בײַם דניעסטער. די בעל־הבתים האָבן די קאָנצעסיע אויף דער שטאָטישער עפנטלעכער ביבליאָטעק. קאַץ איז אויך געוואָרן דער ביבליאָטעקאַר. דאָ האָט ער געלייענט די אייראָפּעיִשע ליטעראַטור אין רוסיש און אין דער אײַנבינדערײַ — וואָס נאָר ס'איז אים צו דער האַנט געקומען. אויפן 17טן יאָר — אַן אַדעסער אײַנבינדער. אין טויטן סעזאָן אַ טאַפּעטן־קלעבער, אַ שטובן־מאָלער, אַ בעקער יִינגל, אַן אָנגעשטעלטער אין אַ טאַבאַק־געשעפט... אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין אַ מאַרקסיסטישן קרײַזל, אין די „סכאָדקעס" ,טעטיק געוואָרן אויף די אַרבעטער־בירזשעס, אין פּאַרטיי־פּאָלעמיק... צו 19 יאָר אַ מיטגליד אין דער רוסישער ס"ד. האַרבסט 1903 אָפּגעגעבן פאַר אַ זעלנער. געדינט אין דער פּוילישער שטאָט קאָזשעניץ, אַ שטאָט פון יִידישע שוסטערס און די רעזידענץ פונעם קאָזשעניצער... אַלס ראָטנע שרײַבער, דערנאָך מאָלער אין דער אַרבעטער־ראָטע, געווען פרײַ צו געבן העברעיִשע לעקציעס אין גבירישע הײַזער און קומען אין קאָנטאַקט מיט קאָזשעניצער שוסטערס ,וואָס זענען געווען אונטער דער ווירקונג פון ראַדאָמער בונדאָווצעס.

ערב דעם גרויסן באַנשטרייק אין 1905, וואָס האָט געבראַכט די צאַרישע קאָנסטיטוציע, פאַרלאָזט די קאַזאַרמע און צוריקגעקומען קיין אַדעס. זיך באַטייליקט אין דער גרינדונג פונעם דרום־רוסישן פאַרבאַנד פון די דרוקער־אַרבעטער. זיין נישט־לעגאַלע לאַגע אַלס דעזערטיר האָט אים אַרײַנגעוואָרפן אין דער עמיגראַציע.

אַפּריל 1906 אָנגעקומען קיין בוענאָס־אײַרעס. דאָ שוין געטראָפן אַ היבשע צאָל יִידישע אַרבעטער, מערסטנס שנײַדערס און סטאָליערעס. עס איז צווישן זיי טעטיק געווען די „ביבליאָטעקאַ רוסאַ" ,וואָס האָט קאָנצענטרירט „איסקראָווצעס", בונדאָווצעס און עס־ערן, אַן אַנאַרכיסטישע גרופּע „אַרבעטער־פריינד", אַ פאַראיין פון „עס־עס" (ציוניסטן־סאָציאַליסטן). פון יִידישע אויסגאַבעס האָט ער געטראָפן אברהם ווערמאָנטס „פאָלקס־שטיממע" און די ציוניסטישע „יִדישע האָפענונג". קיין איינע פון די אָרגאַניזאַציעס איז פּ. קאַצן נישט געווען צום האַרצן. זיי האָבן געמאַכט אַן איינדרוק פון חסידישע קלייזלעך. באַקאַנט האָט ער זיך מיט דעם באָראָכאָוויעץ זלמן סאָרקין, אַ שאַרפער טעאָרעטיקער ,וואָס האָט געגרינדעט אַ פּועלי־ציון־פאַראיין, און האָט גענומען אײַנקנעלן מיט קאַצן

די טעאָריע פונעם סטיכישן פּראָצעס און פון „דאָ און דאָרט", און קאַץ האָט אים געזאָגט: לאָמיר איבערלאָזן דעם סטיכישן פּראָצעס פירן די ייִדישע עמיגראַציע וווּהין ער וויל און דעם „דאָרט" פאַר די דאָרטיקע, און מיר דאָ וועלן טאָן סאָציאַליסטישע אַרבעט צווישן ייִדן... אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן די טיכטיקסטע גרופּע בויערס פון דעם ייִדישן קולטור־ייִשוב אין אַרגענטינע. אין 1908 איז צו דער גרופּע צוגעקומען לעאָן כאַזאַנאָוויטש, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זײַן אַרבעט צווישן די ייִדישע קאָלאָניסטן קעגן דער ייִקאָ־אַדמיניסטראַציע. ער האָט געגרינדעט די געזעלשאַפט „יוגנט" צום קאַמף קעגן דער ווירקונג פון די טמאים אין ייִדישן לעבן, דעם מוטואַליסטישן „ייִדישן אַרבעטער־פאַרבאַנד" און דעם זשורנאַל „ברויט און ערע". סוף 1909 האָט די רעאַקציאָנערע רעגירונג אַרויסגעשיקט סאָרקינען און כאַזאַנאָוויטשן פונעם לאַנד ווי „געפערלעכע" און פּ. קאַץ האָט איבערגענומען די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל. צוליב דער זעלביקער סיבה האָט זיך פאַרמאַכט „ברויט און ערע" נאָכן 5טן נומער, און פּ. קאַץ פאָרט אַרויס אַרבעטן איבערן לאַנד: אין ראָזאַריאָ, מאַר דעל־פּלאַטאַ, אין דער ענטרע־ריאָסער פּראָווינץ, ווערט אַ לערער אין אַ ייִקאַ־שול. סוף 1912 רופט אים ב. לאַפּין זיך צו באַטייליקן אין אַ טאָגצײַטונג, וואָס האָט שוין געהאַט אַ נאָמען: „פרימאָרגן" און אַ פאַרלעגער, דער דרוקער ב. דוכאַן. נאָר דער פאַרלעגער האָט חרטה באַקומען און ב. לאַפּין איז אָפּגעפאָרן. פּ. קאַץ ווערט דעמאָלט קאָרעקטאָר אין די „ייִדישע האָפענונג" און אינעם האַלב־בונדישן „אונדזער וואָרט" און מיטרעדאַקטאָר פון אַן אילוסטרירטן זשורנאַל „שטראַלן". דעמאָלט הייבט פּ. קאַץ אָן זײַן איבערזעצערישע אַרבעט פון שפּאַניש און רוסיש. סוף 1914 ווערט ער פאַרבעטן אַלס אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער אין „די אידישע צײַטונג". סוף 1917 רעדאַקטירט ער צוזאַמען מיט י. העלפמאַן 5 שטרייקנומערן בעת אַ שטרייק פון די זעצערס אין יענער צײַטונג און זינט דעם 1טן יאַנואַר 1918, איז ער שעף־רעדאַקטאָר פון „די פּרעסע", וואָס איז מיט אים געגרינדעט געוואָרן פון אַ גרופּע זעצערס אַלס קאָאָפּעראַטיוו, ביז סוף יוני 1950, ווען זײַנע חברים האָבן זיך געשטעלט אויפן צד פון די איבערפאַלערס אויף צפון־קאָרעע.

יוני 1929 איז פּ. קאַץ געפאָרן מיט אַ דעלעגאַציע פון „פּראָקאָר" צו די ייִדישע ערדאַרבעטער־ראַיאָנען אינעם ראַטן־פאַרבאַנד און וועגן זײַן רייזע געדרוקט אַ סעריע אַרטיקלען, וואָס זענען שפּעטער דערשינען אין צוויי בענד פון זײַנע אַרויסגעגעבענע ווערק.

סעפּטעמבער 1937 איז ער דעלעגאַט פון די ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס אין אַרגענטינע און אורוגוויי צום ייִדישן קולטור־צוזאַמענפאָר אין פּאַריז, און איז מיטגרינדער פון „איקוף". אין משך פון 12 יאָר איז ער געווען פּאָרזיצער פון איקוף אין אַרגענטינע, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין 1940. איצט — ערן־פּאָרזיצער פון איקוף. ער איז אויך ערן־מיטגליד און ערן־פּאָרזיצער אין אַ גאַנצער רײַ ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס. צווישן זיי פון קולטור־הויז י. ל. פּרץ אין ווילאַ־לינטש און אין אייניקע לאַנדסלײַט־פאַראיינען.

1940 האָט אַברייטער געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט געפײַערט 40 יאָר געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אַרבעט פון פּ. קאַץ אין אַרגענטינע און האָט צו דער געלעגנהייט אַרויסגעגעבן 9 בענד פון זײַנע געזאַמלטע שריפטן.

פון סוף 1952 איז ער געווען איינער פון די ייִדישע דעלעגאַטן אין דער גרויסער אַרגענטינישער דעלעגאַציע צום פעלקער־קאָנגרעס פאַר שלום אין ווין און דערנאָך דער גאַסט פונעם רומענישן אינסטיטוט פאַר קולטור־באַציונגען און פון דעם רומענישן איקוף. איצט איז פּ. קאַץ פּאָרזיצער פונעם ייִדישן שלום־קאָמיטעט בײַם אַרגענטינער לאַנדראַט פאַר שלום.

מאַגיסטער קוביאַק חנה

מאַגיסטער קוביאַק חנה געבוירן אין 1908 אין לובלין. שטודירט געשיכטע אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט. איר פּראָפעסאָר איז געווען מאיר באַלאַבאַן. אין 1931 באַקומט זי דעם דיפּלאָם פון מאַגיסטער פון פילאָסאָפיע אויפן געביט פון געשיכטע. געאַרבעט אין שעדלעץ אַלס לערערין. אין טראַגישע באַדינגונגען האָט זי איבערגעלעבט די היטלעריסטישע אָקופּאַציע, אויסבאַהאַלטן הינטער „אַרישע" פּאַפּירן. נאָך דער באַפרײַונג האָט זי 5 יאָר זיך געמוזט היילן אין אַ סאַנאַטאָריע פאַר לונגן־קראַנקע. זינט 1950 באַטייליקט זי זיך אין ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט, ווו זי איז אויך מיטרעדאַקטאָרין. זי האָט פאַרעפנטלעכט אַרבעטן וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע פון די ייִדישע קינדער בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, ווי אויך וועגן פאַרבליבענע רעשטלעך פון ייִדישער אַרכיטעקטור אין פּוילן, ספּעציעל פון ייִדישע שילן און בית־עלמינס. איצט נעמט זי אָנטייל אין דער קאָלעקטיווער ביבליאָגראַפישער אַרבעט וועגן דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין די יאָרן 1905—1908.

קוואַטערקאָ אברהם

קוואַטערקאָ אברהם, געבוירן אין 1913 אין וואַרשע ווו ער האָט געענדיקט אַ פאָלקסשול. געווען טעטיק אין אומלעגאַלע רעוו' אָרגאַניזאַציעס („פּיאָנער", „פאַרבאַנד פון קאָמ' יוגנט") און געשריבן אַרטיקלען אין אומלעגאַלע און האַלבלעגאַלע אויסגאַבעס, ווי „דער בליץ", „דער פרײַנד", „7 טעג".

בעת דער מלחמה איז ער געווען אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווו ער האָט געענדיקט אַ פאַכשול. לער אינדוסטריע. נאָכן אומקערן זיך קיין פּוילן אין 1946 איז ער געוואָרן מיטאַרבעטער פון „דאָס נײַע לעבן" און איצט באַטייליקט ער זיך אין „פאָלקסשטימע".

קוואַטערקאָ האָט אָנטיילגענומען אין די יוגנט־פעסטיוואַלן אין בודאַפּעסט, בערלין און בוקאַרעסט ווי אַ דעלעגאַט פון דער ייִדישער יוגנט פון פּוילן און אויך ווי אַ קאָרעספּאָנדענט. ער איז אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַראיין פון ייִדן אין פּוילן און מחבר פון אַ סך אַרטיקלען און רעפּאָרטאַזשן.

קופפער אפרים

קופפער אפרים, געבוירן אין 1905 אין פראשאוויעץ, קיעלצער וואיעוואדשאפט. א אפשטאמיקער פון א רבנישער משפחה האט ער געלערנט אין ישיבות און רעליגיעזע סעמינארן און איז אפילו געפארן קיין ארץ ישראל כדי זיך אויסבילדן אויפן יודאיסטישן געביט. עטלעכע יאר פאר דער מלחמה האט ער זיך אומגעקערט קיין פוילן, ווו ער איז געווען טעטיק אין דער רעוואלוציאנענערער באוועגונג אין פאביאניץ. די מלחמה האט ער איבערגעלעבט אין ראטן־פארבאנד פון וואנען ער איז צוריקגעקומען אין 1946. ער איז אוועק קיין נידערשלעזיע און איז געווארן פארזיצער פון יידישן קאמיטעט אין ביעלאווע. זינט 1949 ארבעט ער אין יידישן היסטארישן אינסטיטוט אין ווארשע אלס וויסנשאפטלער און אנפירער פון דער אפטיילונג פון כתב־ידן און פון דער ביבליאטעק. ער האט פארעפנטלעכט א ריי וויסנשאפטלעכע ארבעטן וועגן פנקסן פון אלטע קהילות און פון דער השכלה. האט אויך אנגעשריבן א מאנאגראפיע וועגן בער מייזעלסן, און צוזאמען מיטן באקאנטן פוילישן אריעטאליסט פראפ׳ טאדעוש לעוויצקי האט ער צוגעגרייט צום דרוק א באנד אלטע העברעישע טעקסטן וואס שייך די געשיכטעס פון סלאווישע לענדער. אין איינעם מיט פראפ׳ מארק האט קופפער פארעפנטלעכט ארבעטן וועגן רענעסאנס ביי פוילישע און איטאליענישע יידן. ער איז אויך א מיטרעדאקטאר פון דער פוילישער אריענטאליסטישער געזעלשאפט און אויך רעדאקציע־מיטגליד פון די „בלעטער פאר געשיכטע".

איצט זעצט קופפער פאר זיין ארבעט איבער אלטע העברעישע און אראמישע כתב־ידן און פארנעמט זיך אויך מיט דער פראבלעם פון די כוזרים.

★

VI.

ווארשעווער לאנדסמאנשאפטן אין ארגענטינע, פאראייניקטע שטאטן און בראזיל

דער לאַנדסלייַט - פאַראיין פון וואַרשע און אומגעגנט אין אַרגענטינע

וואַרשעווער ייִדן זענען פאַראַן אין אַרגענטינע זינט עס איז דאָ דער ייִדישער ייִשוב און זייער באַטייליקונג אויף אַלע געביטן פונעם לעבן פון לאַנד איז אַ באַדייַטנדיקע.

זיי האָבן מיטגעבראַכט פון דער גרויסער היימשטאָט די ענערגיע, דעם לעבנס־אַפּעטיט, דעם אָפּטימיזם און די רירעוודיקייט מיט וועלכע עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די וואַרשעווער ייִדישע פאָלקסמאַסן.

און אַ סך פון זיי, דער עיקר די וואָס האָבן אימיגרירט קיין אַרגענטינע מחמת די פּאָליטישע און אַנטיסעמיטישע רדיפות מצד די פאַשיסטישע פוילישע מאַכטהאָבערס, זענען געקומען אין דעם לאַ־פּלאַטאַ־לאַנד אָנגעלאָדן מיט אַ גרויסן געזעלשאַפטלעכן באַוווּסטזייַן און מיט אַ ווילן ממשיך צו זייַן אין דער נייַער היים די אַלטע טראַדיציעס פון קאַמף פאַר קולטור און געזעלשאַפטלעכן פּראָגרעס.

דער ייִחוס וואַרשע האָט אויף די וואַרשעווער אין דער פרעמד אַרויפגעלייגט גרויסע התחייבותן און מען דאַרף זאָגן אַז די ראָלע פון אונדזערע לאַנדסלייַט אין אַרגענטינע איז נישט קיין מינדערוויכטיקע.

וואַרשעווער ייִדן האָבן אַנטוויקלט עטלעכע פאַכן אין בוענאָס־אייַרעס ווי שטריקערייַ, בייַטל־מאַכערייַ, שנייַדער־ און קאַמאַשן־שטעפּערייַ און אויך אין אַ גרויסער מאָס מעבל־סטאָלערייַ און אַנדערע.

זיי זענען היפּש פאַרטראָטן אין מאַנופאַקטור און שניידערייַ, און בכלל נעמען זיי אָנטייל אין אַלע אינדוסטריעס און האַנדלס־צווייַגן פון דער אַרגענטינער עקאָנאָמיק.

זין און טעכטער פון וואַרשעווער, שוין געבוירענע אין אַרגענטינע, זענען הייַנט אָנגעזעענע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, אינזשעניערן, לערערס און בכלל פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס פאַרשאַפן כבוד זייערע ספּעציאַליטעטן.

עס איז בלויז אַ שאָד וואָס עס זענען נישטאָ קיין סטאַטיסטישע דאַטעס, וועלכע זאָלן אונדז דערציילן וועגן דעם ציפערישן אָנטייל פון וואַרשעווער ייִדן אין די פאַרשידענע לעבנסצווייַגן פון דער אַרגענטינער רעפּובליק.

מיר ווייסן אפילו נישט וויפל וואַרשעווער ייִדן עס געפינען זיך אין לאַנד. בכל אופן דאַרף מען זיי ציילן אין די פיל טויזנטער.

אונדזער לאַנדסלייַט־פאַראיין האָט אין אַ געוויסן מאָמענט געהאַט אַריבער טויזנט מיטגלידער.

ווען מען נעמט אין אַכט אַז דער פאַראיין האָט אַרומגענומען בלויז אַ קליינעם טייל פון די לאַנדסלייַט און אַז בלויז איין מיטגליד פון דער משפחה געהערט צום פאַראיין, קען מען זיך שאַפן אַ באַגריף ווי גרויס עס איז די צאָל וואַרשעווער אין בוענאָס־אייַרעס.

אָן גוזמא קען מען זאָגן אַז די ייִדישע וואַרשע איז אין אַרגענטינע צאָלרייַכער פאַרטראָטן ווי יעדער אַנדער ייִדישע שטאָט פון דער אַלטער היים.

און די וואַרשעווער ייִדן האָבן זיך מיט זייער גאַנצן דינאַמיזם און געזעלשאַפטלעכן חוש באַטייליקט אין דער פאָרמירונג, אַנטוויקלונג און געשטאַלטיקונג פון אַרגענטינער ייִדישן ייִשוב.

אונדזערע לאַנדסלייַט: אַבע עסטערזאָן, אברהם פרידמאַן און סאַלאָמאָן ווייַסגראָס זענען געווען די מיטגרינדערס פון „אגודת אחים”, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּויליש־ייִדישן פאַרבאַנד.

וואַרשעווער ייִדן האָבן געהאָלפן גרינדן און בויען די חברה קדישא, שולן, דעם שפּיטאָל, דעם ייִוואָ און אַנדערע אינסטיטוציעס — פילאַנטראָפּישע, סאַניטאַרע, פינאַנציעלע, דערציִערישע און קולטורעלע.

און די זין און טעכטער פון דער האָרעפּאַשנער ייִדישער פאָלקסמאַסע פון דער פוילישער הויפּטשטאָט האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דעם אַרבעטער־לעבן אין בוענאָס־אייַרעס. זיי זענען געווען די מיטגרינדערס פון דעם ייִדישן אַרבעטער־קלוב אין צענטער און פון דער שטריקער־סעקציע בייַם אַלגעמיינעם טעקסטיל־סינדיקאַט. אויך די אַרבעטער־קראַנקן־קאַסע, אַן אַלגעמיינער אַרבעטער־אַנשטאַלט פון מוטואַליסטישער מעדיצינישער הילף, וואָס האָט געציילט טויזנטער מיטגלידער נישט־ייִדן און ייִדן, האָט געהאַט צווישן אירע שטענדיקע בויערס דעם חבר אונדזערן מאַנעס שיינבוים.

און אונדזערע לאַנדסלייַט און אַקטיווע טוערס פון אונדזער פאַראיין ייִדל דיקשטיין און בעריש דאָמב זענען געווען פון די גרינדערס און לאַנגיאָריקע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון דער „פאָלקס־אָרגאַניזאַציע קעגן אַנטיסעמיטיזם” וואָס האָט פאַרשריבן אַ שיין בלעטל אין דער געשיכטע פונעם קאַמף פון אונדזער ייִשוב קעגן דער ברוינער בעסטיע און אירע פאָרשטייערס אין אַרגענטינע.

בכלל איז שווער אויסצורעכענען די נעמען פון אַלע וואַרשעווער ייִדן וואָס אויף זייער קאָנטאָ דאַרף פאַרשריבן ווערן אַן אַקטיווער אָנטייל אין ייִדישן און אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַרגענטינע אין אַלגעמיין און אין בוענאָס־אייַרעס בפרט. וואָרעם אין וועלכער אינסטיטוציע און אין וועלכע אַלגעמיינע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס — אויסער, פאַרשטייט זיך, די ריין לאַנדסמאַנשאַפטלעכע — זענען זיי נישטאָ?

אָבער הגם וואַרשעווער ייִדן האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער פאַרצווײַגטער ייִדישער געזעלשאַפטלעכקייט אין אַרגענטינע און הגם זיי האָבן זיך געפונען אין לאַנד זינט דעם סוף פון 19טן י״ה, האָבן זיי לאַנגע יאָרן קיין אייגענע לאַנדסמאַנשאַפט, קיין אייגענעם פאַראיין נישט געהאַט.

עס קען אויסקומען מאָדנע! בעת לאַנדסלײַט פון קליינע שטעטלעך פון דער אַלטער היים האָבן דאָ גיך געגרינדעט חברות און פאַראיינען האָבן דווקא די פיל טויזנטער לאַנדסלײַט פון דער עיר הבירה וואַרשע נישט געהאַט קיין אייגענע אָרגאַניזאַציע.

אָבער די דאָזיקע מאָדנעקייט איז אַן אויבנאויפיקע אין גרונט דערקלערט זיך דער ענין גאַנץ פשוט.

די לאַנדסלײַט פון די קליינע שטעט און שטעטלעך האָבן זיך אַלע פערזענלעך געקענט נאָך אין דער היים. זיי זענען געווען צווישן זיך געבונדן דורך באַקאַנטשאַפט אָדער פרײַנדשאַפט במשך פון אַ סך יאָרן. דערצו איז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין דעם קליינעם שטעטל געווען אָן אַ שיר ווייניקער אינטענסיוו ווי אין וואַרשע. דער גרינער לאַנדסמאַן פון דעם קליינעם שטעטל וואָס איז אַראָפגעקומען אין דעם גרויסן כרך בוענאָס־אײַרעס האָט גלײַך אָפגעזוכט זײַנע פרײַנד פון דער היים — און זיי האָבן אים אויך געזוכט, אייגנטלעך האָבן זיי אים גאָר אַראָפגענומען פון דער שיף. דער פאַראיין איז געווען אַ פאַרטיקע זאַך — אפילו ווען ער האָט פאָרמעל נישט עקסיסטירט.

קאַמפּיין קאָמיטעט בײַם וואַרשעווער לאַנדסלייט־פאַראיין צו הילף די ייִדן אין פוילן (1946)

אָבער די טויזנטער וואַרשעווער ייִדן אין אַרגענטינע האָבן זיך פון דער היים מיינסטנס נישט געקענט. אַ סך פון זיי, געזעלשאַפטלעך אַקטיווע אין פוילן, האָבן אין דעם נײַעם לאַנד גלײַך אָפגעזוכט די אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס וואָס זענען געווען לויט זייערע סימפּאַטיעס. קיין ספּעציעלע נויטווענדיקייט צו גרינדן אַ לאַנדסלײַט־פאַראיין האָבן זיי נישט געפילט, כל זמן די צײַט האָט פאַר זיי נישט אַוועקגעשטעלט די דאָזיקע פאָדערונג.

דערווײַל האָבן זיך אָנגערוקט די קריגסיאָרן מיט היטלערס מערדערײַען איבער די ייִדן פון די אַלטע היימען. פוילן, ווײַסרוסלאַנד, אוקראַינע, בעסאַראַביע, די באַלטישע לענדער זענען פאַרפליצט געוואָרן מיט אַ מבול פון בלוט, אין וועלכן עס זענען אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן מיליאָנען פון די נאָענטסטע. וואַרשע, די אייגענע, די לײַבלעכע, די היים פון די קינדער־ און יוגנט־יאָרן, די שטאָט ווּו עס זענען געבליבן טאַטע־מאַמע, ברידער, שוועסטער, קינדער, קרובים, פרײַנד, באַקאַנטע, איז אַרײַנגעפאַלן אין די רוצחישע לאַפעס פון די נאַצישע באַנדיטן, וואָס האָבן זי געשטיקט, געוואָרגן, געשניטן און צום סוף אומגעבראַכט — נאָך אַן אומפאַרגלײַכלעך־העלדישן ווידערשטאַנד מצד די אויסגעמאַטערטע און אויסגעפײַניקטע ייִדן —.

אין די אַמעריקאַנער לענדער האָבן די ייִדישע מאַסן געפיבערט מיט די געשעענישן אין אייראָפע. עס איז נישט געווען פאַר זיי בלויז אַ סענטימענט־זאַך. אויך אין זייערע נײַע היימען האָבן זיי אָנגעהויבן פילן די גיפטיקע ביסן פון די נאַצי־פאַשיסטישע שלענג וואָס האָבן זיך געמערט מיט היטלערס נצחונות. עס זענען געבוירן געוואָרן נאַצישע אויסגאַבעס וואָס האָבן אָפן גערופן צו מאָרד איבער ייִדן, כוליגאַנישע גאַסן־רעדנערס האָבן געזייט שנאה, די ווענט פון די הײַזער זענען פאַרשמירט געוואָרן מיט אַנטיסעמיטישע רציחה־ווערטער. אין געוויסע לענדער זענען אפילו געווען פרווון פון אַנטי־ייִדישע געזעצן. און ייִדישע נע־וונדניקעס, וואָגלערס פאַריאָגטע פון אייראָפע, האָבן אומזיסט זיך אַרומגעשלעפט חדשים־לאַנג אויף שיפן איבער די וואַסערן פון אַטלאַנטיק און פאַסיפיק כדי זיך צו דערשלאָגן צו אַן אַמעריקאַנער פאָרט וואָס זאָל זיי אויפנעמען. די טויערן פון די לענדער זענען געווען פאַר זיי פאַרמאַכט ווי פאַר פאַרפעסטעטע.

איז ווען עס זענען אָנגעקומען די ערשטע גרויל־ידיעות פון דער מלחמה אין אייראָפע און עס איז קלאָר געוואָרן אַז די דאָרטיקע ייִדישע ייִשובים נייטיקן זיך אין גיכער און שטאַרקער הילף, האָבן זיך דאָ גלײַך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן הילפס־קאָמיטעטן. די ברייטסטע שיכטן פון אַרגענטינער ייִדנטום, אַלע קרײַזן פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן האָבן זיך אָפגערופן. דאָס געפיל פון סאָלידאַריטעט מיט ברידער געכפלט אויף דעם האַס צו היטלערן און זײַנע נאַצישע משחיתים האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין אַ שטאַרקער באַוועגונג פון הילף לטובת די חרוב־געוואָרענע אַלטע היימען, אַ באַוועגונג וואָס האָט אַרומגעכאַפט דעם גאַנצן אַרגענטינער ייִדישן ייִשוב,

סייַ אין דער הויפטשטאָט און סייַ אין אַלע אַנדערע שטעט און שטעטלעך ווּ עס האָבן געוווינט ייִדן.

און שפעטער, ווען נאָכן איבערפאַל אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, האָבן די נאַציס אָנגעהויבן די מאַסן־אויסראָטונג פון מיליאָנען ייִדן, האָט די דאָזיקע הילפס־באַוועגונג אַן איבערגעגאָסענע אין דער הילף לטובת די אַלייִרטע פעלקער, באַקומען אַ פאַרנעם וואָס קיין אַנדער ייִדישע באַוועגונג אין אַרגענטינע האָט ביז דעמאָלט קיין מאָל נישט געהאַט. גרויס און קליין, אַלט און יונג, מענער און פרויען, ייִדן געקומענע פון אייראָפע און הי געבוירענע, סוחרים, פראָפעסיאָנאַלן, אַרבעטערס, כלי־קודש, ייִדן פון אַלע שטאַנדן און פראָפעסיעס, פון פאַרשידענע פאַרטייען און אידעאָלאָגישע ריכטונגען, האָט מיטגעאַרבעט פאַר איין ציל — צו זאַמלען הילף פאַר די פעלקער וואָס האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט אין קאַמף קעגן די ברוינע באַנדיטן.

דער קאַמפיין־קאָמיטעט בייַם וואַרשעווער לאַנדסלייַט פאַריין גרייט צו אַ טראַנספאָרט שיך און קליידער פאַר די ייִדן אין פוילן.

אין יענער הילפס־באַוועגונג האָבן וואַרשעווער ייִדישע מענער און פרויען זיך אַקטיוו באַטייליקט. פיל פון זיי האָבן אַליין בייַגעשטייַערט לויט די מעגלעכקייטן, און אַנדערע, די מער אַקטיווע, זענען געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, געקלאַפט פון טיר צו טיר, כדי צו נעמען אַ בייַשטייַערונג בייַ אַ ייִדישער פאַמיליע און אַ מאָל אויך בייַ אַ נישט־ייִדישער. אַנדערע האָבן געשטריקט סוועטערס, גענייט הענטשקעס, געמאַכט שיך, לעדערנע מאַנטלען און בכלל קליידער, געוועבט אפילו דעם שטאָף, און דערנאָך עס אַלץ אַוועקגעשיקט אין טראַנספאָרטן, וואָס האָבן באַטראָפן מיליאָנען פעזעס.

אָבער קיין באַזונדערער וואַרשעווער לאַנדסלייַט־פאַראיין איז נאָך אַלץ נישט געווען. ערשט האַרט פאַרן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ערב היטלערס ענדגילטיקער מפלה, ווען עס האָט זיך געשטעלט די פראָבלעם וועגן העלפן דירעקט דעם שארית הפליטה פון די באַפרייַטע שטעט און שטעטלעך, איז אויפגעקומען דער לאַנדסלייַט־פאַראיין פון וואַרשע און אומגעגנט.

ווען די טויערן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זענען אומגעוואַלגערט געוואָרן, ווען די נאַצישע אַרמייען זענען געלאָפן פון די אָקופירטע געביטן, זענען דערגאַנגען אַהער אימהדיקע הילפסרופן פון די לעבן געבליבענע פון די לאַגערן און פון די אויסבאַהאַלטענע אין די וועלדער אָדער אויף דער „אַרישער״ זייַט.

די דאָזיקע רופן, וואָס זענען געקומען פון אייגענע לאַנדסלייַט, אָפט מאָל פון קרובים, פון פרייַנד, פון חברים, האָבן נישט געקאָנט בלייַבן אָן אַן ענטפער. און דער ענטפער האָט געמוזט זייַן: הילף, וואָס מער הילף אויף אַן אָרגאַניזירטן, געזעלשאַפטלעכן אופן.

דעמאָלט האָט אַ גרופע וואַרשעווער געגרינדעט דעם „לאַנדסלייַט־פאַראיין פון וואַרשע און אומגעגנט״. געשען איז עס דעם 3טן פעברואַר 1945.

בעת דער גרינדונג האָט די צאָל מיטגלידער באַטראָפן 60. גיך איז דער פאַראיין אַזוי אויסגעוואָקסן, אַז ער האָט געציילט טויזנט מיטגלידער. דער דאָזיקער שנעלער וווּקס איז געווען דער בעסטער באַווייַז ווי נייטיק עס איז געווען דער פאַראיין.

לאָמיר פאַרצייכענען די גרינדערס און מיטגלידער פון דער ערשטער פאַרוואַלטונג: פרעזידענט — מאַוריסיאָ פסאַנקעוויטש, נחום צוקער, בעריש דאָמב, ייִדל דיקשטיין, חיים ליפאַ, חיים קאָן און אַנדערע.

למען דעם אמת פון דער געשיכטע זאָל דערמאָנט ווערן אַז דער נייַ־געשאַפענער פאַראיין איז געווען די ערשטע פון אַלע ייִדישע אינסטיטוציעס וואָס האָט געענטפערט אויף די דירעקטע הילפרופן מצד דער שארית־הפליטה. עס איז דאַן אויסגעוויילט געוואָרן בייַ דער לאַנדסמאַנשאַפט אַ ספעציעלער הילפס־קאָמיטעט פון די ווייַטערדיקע טוערס: משה פלאָרמאַן — פרעזידענט, נאַטאַן זשעלאָני, בעריש דאָמב, זלמן ראַוויטש, מ. קאָן, לערמער, י. וואָלנאָוויטש, חיים ליפאַ, נחום צוקער, ג. קאַליקשטיין, ליפשיץ, זילבערבערג, מאַנעס שיינבוים, ייִדל דיקשטיין, שרה דיקשטיין, יוסף לענגער, רפאל זאָנאַבענד, בלושטיין און יאַדזשע שוואַרץ. דער הילפס־קאָמיטעט האָט

גלײַך געשיקט אַ טעלעגראַמע צום פּאָרזיצער פון צ״ק פון די ייִדן אין פּוילן, ד״ר זאָמערשטיין, ער זאָל תּיכּף שיקן אַ ליסטע פון די לעבנסגעבליבענע וואַרשעווער. גלײַכצײַטיק האָט ער זיך פאַרשטענדיקט מיטן פּאָרשטייער פון דזשאָינט, ה׳ ניעוויאַסקי, און האָט טאַקע דורכן דזשאָינט אַוועקגעשיקט אַ באַדייטנדיקע סומע.

זינט זײַנע ערשטע טריט האָט דער פאַראײן געהאַט דאָס גליק צו האָבן אַן אַקטיווע און איבערגעגעבענע פרויען־קאָמיסיע, וועלכע האָט אויסגעפירט גרויסע אַרבעטן, אָרגאַניזאַציאָנעל־אינערלעכע אין דער אינסטיטוציע גופא און אויך אַלגעמיינע — בײַ דער הילפס־טעטיקייט.

דער צוזאַמענשטעל פון דער ערשטער פרויען־קאָמיסיע איז געווען אַזאַ: פּרעזידענטין: רעגינאַ שאַפּיראָ (געשטאָרבן), סעקרעטאַרין: עלענאַ צוקער, קאַסירערין: פּסאַנקעוויטש, וואָקאַלינס: ליבע קאָהן, שרה דיקשטיין, בערטאַ זאַלצמאַן, אַנאַ פישער (געשטאָרבן), ראָסאַ מאַרדיקס, בעלאַ בעקערמאַן, יאַדזשע שוואַרץ, פרידאַ גאָלדבערג, מאַניע בירנצווײַג, מאַריאַ באָטשקאָווסקי, אַנאַ צוקער, סאַראַ בינדער און אַדעלאַ לאַנדסמאַן (געשטאָרבן).

6.000.000
קדושים

19טער אַפּריל 1948, דער אַקטיוו פון וואַרשעווער לאַנדסלײַט־פאַראײן לייגט בלומען בײַם מאַקעט פון קדושים־מאָנומענט.

דער פאַראײן איז, ווי געזאָגט, גיך געוואָקסן און אין אַפּריל 1945 האָבן מיר דורכגעפירט דעם גרינדונגס־באַנקעט, אין סאַלאָן „אַפּאָלאָ" אויף בולאָן סור מער אין די פינף הונדערטער, מיט אַ באַטייליקונג פון 500 פּערזאָן. באַזונדערס האָט זיך דער פאַראײן שטאַרק אַנטוויקלט, ווען נאָך דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 15טן דעצעמבער 1945, זענען אַרײַן אין דער פאַרוואַלטונג פרישע טוערס וועלכע האָבן געפירט די אינסטיטוציע צו נײַע דערפאָלגן. נישט נאָר איז גרעסער געוואָרן די צאָל מיטגלידער, נײַערט אויך דער געזעלשאַפטלעכער אָנזען פון דער וואַרשעווער לאַנדסמאַנשאַפט האָט געוווּנען אין חשיבות און פאַרנעם. דעמאָלט האָט מען אויך געביטן דעם לאָקאַל פון פאַראײן. מיר האָבן זיך איבערגעצויגן אין אַ גראָמערער דירה, אויף עקוואַדאָר אין די 400, ווו מיר האָבן זיך געפונען אין אײנעם מיט דעם הילפס־פאַראײן פון ייִדישע מאָלערס.

די הילפסאַרבעט אין אַרגענטינע לטובת די לעבן געבליבענע ייִדן אין אייראָפּע האָט דערווײַל געהאַלטן אין איין וואַקסן. אין יאָר 1946 איז געגרינדעט געוואָרן דער „פאַראייניקטער קאַמפּיין קאָמיטעט". אונדזער לאַנדסלײַט־פאַראײן האָט מיט אים צוזאַמענגעאַרבעט און מיר האָבן בײַגעטראָגן אַ גרויסע סומע. און ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן דער „פאַראײניקטער צענטראַלער קאַמפּיין־קאָמיטעט צו הילף די מלחמה־געליטענע אין אייראָפּע „אַזשודאַ" האָבן מיר דירעקט און אַקטיוו אָנטייל גענומען אין זײַנע טעטיקייטן. מיר האָבן אַהין דעלעגירט אונדזערע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער ייִדל דיקשטיין און משה פלאָרמאַן וואָס זענען דאָרט געווען אונדזערע שטענדיקע פאָרשטייערס און האָבן געטון וויכטיקע הילפסאַרבעט. דער פאַראײן גופא האָט געזאַמלט געלט און עס אַוועקגעגעבן אין דער „אַזשודאַ". אָבער אויך קליידער און שפּײַז האָבן מיר געשיקט פאַר די אָפּגעריסענע און אויסגעהונגערטע וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון די נאַציס.

אַ טייל זאַכן זענען אויסגעפּאַרטיקט געוואָרן אין די טאַזשערן (ווערקשטאַטן) וואָס דער פאַראײן האָט מיטגעהאָלפן אַוועקשטעלן. עס זענען דאָרט צוגעגרייט געוואָרן — פּונקט ווי אין די מלחמה־יאָרן — שיך, קליידער, סוועטערס און אַנדערע זאַכן און אין גרויסע קאַסטנס פלעגט מען עס אַוועקשיקן קיין פּוילן. דער ענטוזיאַזם בײַ דער דאָזיקער אַרבעט איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער — יעדער מאַן און יעדע פרוי וואָס האָבן דערין אָנטייל גענומען האָבן געוווּסט ווי נייטיק עס זענען די קליידער אין חורבן פּוילן, ווי שטאַרק עס וואַרטן אויף אונדזער הילף די הונגעריקע און פאַרשמאַכטע לעבנס געבליבענע ברידער, די פאַריתומטע רעשטן פון דעם אַמאָליקן דרײַמיליאָניקן פּוילישן ייִדנטום.

הגם אין אַלגעמיין איז די הילף געגאַנגען פון אָרגאַניזאַציעס

צו אָרגאַניזאַציעס ד"ה פון דער „אַזשודאַ" צו דעם צ"ק פון די ייִדן אין פּוילן, האָט דער פאַראיין אויך געשיקט פּעקלעך אויף פּריוואַטע אַדרעסן, לויט אינדיווידועלע פאָדערונגען. מען האָט קיינעם נישט אָפּגעזאָגט קיין הילף, אויב ער האָט נאָר געבעטן. מיר האָבן זיך אויך אָפּגעגעבן מיט אויפזוכן בײַ אונדז אין לאַנד קרובים פון וואַרשעווער לעבן געבליבענע. די דאָזיקע אַרבעט איז געווען זייער אַ וויכטיקע, ווען מען נעמט אין אַכט אַז דורך געפינען אַ קרוב, אַ נאָענטן אָדער אַ פרײַנד אין דער ווײַטער אַרגענטינע האָבן מיר פאַרקלענערט די טראַגישע איינזאַמקייט פון פיל, פיל ייִדן, וואָס האָבן פאַרלוירן אַלעמען און זענען געבליבן איינער אַליין אויף גאָטס וועלט.

בכלל האָט זיך אונדזער פאַראיין באַטייליקט אין אַלע אַקציעס פון דער „אַזשודאַ". אַזוי, צב"ש, האָבן מיר אין איינעם מיט אונדזער פרויען־קאָמיסיע אַקטיוו געהאָלפן צו רעאַליזירן דעם באַשלוס פון דעם „פאַראייניקטן צענטראַלן קאַמפּיין־קאָמיטעט" וועגן אויפמאָנען בײַ דער ייִדישער באַפעלקערונג דעם באַטרעף פון אַ טאָג וואַקאַציעס, וואָס דאָס איז געגאַנגען פאַר דער הילפסאַרבעט. די דאָזיקע אַקציע האָט אַרײַנגעבראַכט אַן אָנגעזעענע סומע.



אַקט בײַם מאַקעט פון מאָנומענט דעם 19טן אַפּריל 1948 אין סאַלאָן „אַרכענטינאַ" (בוענאָס־אײַרעס)

מיר האָבן אויך געהאָלפן די אָכאָטער לעבן געבליבענע. עס איז אָנגעקומען אין פאַראיין אַ בריוו פון פּאַריז, פון די דאָרטיקע אָכאָטער, אַז זיי פירן דורך אַ זאַמלונג פאַר די לאַנדסלײַט וואָס זענען געבליבן אין די לאַגערן. האָבן מיר צוזאַמען מיט אונדזערע אייגענע אָכאָטער רעאַליזירט אַ בליצקאַמפּיין און דעם באַטרעף אַוועקגעשיקט קיין פּאַריז.

אין פעברואַר 1947, ווען עס איז אויסגעפאַלן דער צווייטער יאָרטאָג זינט דער גרינדונג פון פאַראיין, האָבן מיר דעם יום־טוב פון אונדזער אינסטיטוציע געפײַערט דורך אַן אַסאַדאָ אין ראַמאָס־מעכיאַ, אין דער פּרעכטיקער קינטע (גאָרטן) וואָס די נישט־ייִדישע פרוי קאָמפּאַזשי האָט געגעבן פאַר דעם צוועק. די הכנסה פון דער פײַערונג איז, פאַרשטייט זיך, געגאַנגען פאַר די הילפצוועקן. מיר האָבן דעמאָלט געהאַט דעם כבוד און דאָס פאַרגעניגן צו באַגעגענען זיך אויפן יום־טוב מיטן האַנדלס־פאָרשטייער אין אַרגענטינע פון דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער פּוילישער רעגירונג ה' האָפּמאַקל, וועלכער האָט אין זײַן באַגריסונגס־וואָרט אונדז געדאַנקט פאַר דער הילף און גלײַכצײַטיק אונטערגעשטראָכן אַז ווען אין פּוילן וואָלט אין אָנהייב קריג געווען אַזאַ רעגירונג ווי די איצטיקע וואָלט די ייִדישע טראַגעדיע נישט געווען אַזאַ שוידערלעכע, אויב זי וואָלט אין גאַנצן נישט אויסגעמיטן געוואָרן.

דעם 16טן אויגוסט פון זעלבן יאָר 1947 האָט דער פאַראיין דורכגעפירט אַ דערפאָלגרײַכן פּראָקלאַמירונגס־באַנקעט פאַר דער הילפסאַרבעט. די רעזולטאַטן, סײַ די מאַטעריעלע, און סײַ די מאָראַלישע, זענען געווען באַדײַטנדיקע. אויך גרויסע רעזולטאַטן האָבן מיר באַקומען ווען דער „פאַראייניקטער צענטראַלער קאַמפּיין־קאָמיטעט" (אַזשודאַ) האָט פּראָקלאַמירט אַ זיבן־מיליאָן קאַמפּיין. מיר האָבן זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דער אַרבעט און דער בײַטראָג פון די וואַרשעווער איז געווען זייער אַן אָנגעזעענער. די „אַזשודאַ" האָט דעמאָלט אַוועקגעשיקט אַ טראַנספּאָרט קליידער און שפּײַז קיין פּוילן מיט דער שיף „ביאַליסטאָק", האָט אונדזער פאַראיין מיטגעשיקט 8 קאַסטנס מלבושים און שיך פאַר וואַרשעווער אין פאַרשידענע פּוילישע שטעט. אין אַ צײַט אַרום האָבן מיר באַקומען אַן ענטפער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פּוילן מיט אַ גענויער רשימה פון די ערטער ווו די זאַכן זענען פאַרטיילט געוואָרן.

זאָל דאָ געזאָגט ווערן אַז אונדזערע פאָרשטייערס בײַ דער הילפס־טעטיקייט פון דער „אַזשודאַ" האָבן נישט נאָר אַקטיוו מיט־

געאַרבעט, נײַערט זיי האָבן געקעמפּט פאַר׳ן שטאַנדפּונקט אַז די הילף דאַרף זײַן אַ קאָנסטרוקטיווע אָבער נישט קיין קצבה־הילף. אין דער „אַזשודאַ״ זענען געווען פאַרטראָטן די ברייטסטע קרײַזן פון דער יִדישער באַפעלקערונג מיט פאַרשידענע אידעאָלאָגיעס, שטעלונגען און אָנשויונגען. עס איז געווען אומפאַרמײַדלעך אַז נישט אַלע זאָלן מסכים זײַן אויף די זעלבע פאָרמען פון דער שטיצע. אונדזערע חברים האָבן ווערטפול בײַגעטראָגן פאַר אַן באמת סאָלידאַרישער, באמת ברידערלעכער און באמת קאָנסטרוקטיווער הילף.

נײַ־יאָר 1947 איז בײַ אונדז געווען אַן אמתע געשעעניש! מיר האָבן אויף אונדזער יום־טוב אויפגענומען די דעלעגאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די יִדן אין פּוילן, פּראָפ׳ זאַק און רבקה וואָיסקאָווסקאַ, וואָס זייער מיסיע דאָ איז באַשטאַנען אין פאַרשטאַרקן די הילפסאַרבעט פאַר די לעבן געבליבענע. דער וואַרשעווער לאַנדסלײַט־פאַראיין, וואָס האָט מיטגעהאָלפן צום דערפאָלג פון די אומפאַרגעסלעכע אַקטן אויף וועלכע עס זענען אויפגעטראָטן די 2 לעבעדיקע עדות פון מאַרטירערישן פּוילישן יִדנטום, האָט באַשטימט צו געבן די דעלעגאַטן טויזנט דאָלאַר פאַר אַ יִדישער שנײַדער־קאָאָפּעראַטיווע אין פּוילן.

זאָל דאָ געזאָגט ווערן אַז די מיסיע האָט געבראַכט רעזולטאַטן. זאַק און וואָיסקאָווסקאַס שילדערונגען פון די לאַגערן, פון די קאַמפן און פון דעם חורבן, אָבער אויך פון דעם נײַעם אויפגאַנג פון קליין געוואָרענעם יִדישן יִשוב אין פּוילן האָט פיל, בײַגעטראָגן פאַר דער אויסוויקלונג פון דער הילפס־טעטיקייט.

דער פאַראיין איז כסדר געוואָקסן. די פריִערדיקע דירה איז שוין געווען צו קליין, האָט מען זיך אַריבערגעצויגן אין די איצטיקע געראַמע און באַקוועמע לאָקאַלן אויף לאַוואַזשע 4635, וווּ עס געפינט זיך אויך די אין יאָר 1954 געגרינדעטע לײַקאַסע „לאַוואַזשע״.

קיינמאָל מער! דאָס טאָר זיך מער נישט איבערכאַזרן

טוערס פון וואַרשעווער לאַנדסלײַט־פאַראיין וואָס האָבן צוגעגרייט די אויסשטעלונג פון געטאָ־בילדער (1949)

דער וווּקס פון פאַראיין האָט זיך אויסגעדריקט נישט בלויז אין דער פאַרגרעסערטער צאָל מיטגלידער, נישט בלויז אין די דערפאָלגן פון די זאַמלונגען, נאָר אויך אין די עפנטלעכע אַקטן וואָס מיר האָבן אָרגאַניזירט. צו די עפנטלעכע אונטערנעמונגען פלעגט קומען אַ גרויסער עולם סײַ ווען מיר פלעגן זיי אָרגאַניזירן אין אייגענעם לאָקאַל, און סײַ אפילו ווען זיי פלעגן דורכגעפירט ווערן אין גרויסע געדונגענע זאַלן.

אויפנעם־אָוונט פאַר די דעלעגאַטן פון צ״ק פון די יִדן אין פּוילן, פּראָפּ׳ זאַק און רבקה וואָיסקאָווסקאַ

אַ שטיקל צײַט האָט עקסיסטירט אַ יוגנט־סעקציע, „סיכאָווע״, בײַ אונדזער אינסטיטוציע. קינדער פון וואַרשעווער, יוגנטלעכע וואָס האָבן געהאַט אַן אינטערעס פאַר קולטור און ספּאָרט, האָבן זיך אָרגאַניזירט אין אַ גרופּע, וואָס האָט געהאַט צו פאַרצייכענען היפּשע דערפאָלגן.

גאָר גרויסע אַקטן פלעגט אונדזער פאַראיין דורכפירן יאָר־יערלעך דעם 19טן אַפּריל, צום יאָרטאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד. פאַקטיש זענען מיר געווען פון די איינצלנע יִדישע אינסטיטוציעס



בײַם מקבר־זײַן דאָס קעסטל אַש וואָס אונדזער דעלעגאַציע האָט געברענגט פון די קרעמאַטאָריעס. בית־עולם אין טאַבלאַדאַ (בוענאָס איירעס)

וואָס האָבן אַזעלכע דערמאָנונגען אײַנגעאָרדנט. אַ באַזונדער שטאַרקן אײַנדרוק האָט איבערגעלאָזט אויף דער גאַנצער ייִדישער באַפעלקערונג פון בוענאָס־אײַרעס דער אַקט וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן צום פערטן יאָרטאָג פון די קאַמפן אין וואַרשעווער געטאָ. דער סאַלאָן פון דער חברה קדישא האָט ווײַט נישט געקענט אַרײַננעמען די טויזנטער ייִדן וואָס זענען געקומען אָפּגעבן כבוד די געפאַלענע העלדן און וועלכע האָבן אויסגעפילט אַ היפּשן טייל פון דער קוואַדרע פון דער גאַס פּאַסטעור. אויפן אַקט האָט זיך געפונען דער פּוילישער האַנדלס־מיניסטער האָפמאָקל און אין קינסטלערישן טייל זענען אויפגעטראָטן חבל בוזגאַן און רבקה שילער. ס׳איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכע פאַרזאַמלונג, דורך וועלכער עס זענען געקומען צום אויסדרוק דער פּרעסטיזש פון אונדזער פאַראיין, זײַן חשיבות צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג און די צוגעבונדנקייט וואָס עס פילן צו אים די אייגענע מיטגלידער. פאַר אונדזערע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער איז עס געווען אַ טאָג פון דער גרעסטער סאַטיספאַקציע. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז מיר גייען אויף אַ ריכטיקן וועג, אַז מיר רופן זיך אָפּ אויף אַלע געשעענישן וואָס אינטערעסירן די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין אַרגענטינע, און דערפאַר איז זייער באַציִונג צו אונדז אַזאַ גינסטיקע, אַזאַ וואַרעמע און אַזאַ געזעלשאַפטלעכע.

אונדזער לאַנדסלײַט־פאַראיין האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דער שאַפונג פון דער „פעדעראַציע פון די ייִדישע לאַנדסלײַט־פאַראיינען אין אַרגענטינע". בײַם סוף פון קריג, ווען אין שײַכות מיט די פּראָבלעמען פון שיקן הילף פאַר דער שארית־הפּליטה איז אויסגעוואָקסן אַ נעץ פון נײַע לאַנדסמאַנשאַפטן און די אַלטע האָבן אויך פאַרשטאַרקט זייער טעטיקייט, איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט דאָס שאַפן אַ צענטראַלע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, אַ פעדעראַציע וואָס זאָל קאָאָרדינירן און אָריענטירן זייער אַרבעט. אונדזער פאַראיין, ווי איינער פון די גרעסטע אין אַרגענטינע, האָט פיל בײַגעטראָגן בײַם אָרגאַניזירן די „פעדעראַציע". אויך שפּעטער האָבן מיר זיך שטאַרק באַטייליקט אין איר לעבן. און ווען די „פעדעראַציע" האָט אין 1948 געשיקט אַ דעלעגאַציע פון דרײַ פון אירע פאָרשטייער קיין פּוילן, צום אָפּדעקן דעם מאָנומענט פאַר די געפאַלענע העלדן אין אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, איז איינער פון זיי געווען ח׳ מאַנעס שיינבוים, אונדזערער אַן אַקטיווער טוער. די דעלעגאַציע, (חיים אַפּעל, איסאַק הויכגעלערנטער און מאַנעס שיינבוים) האָט באַזוכט פאַרשידענע שטעט אין פּוילן, זיך באַקענט סײַ מיט די שרעקלעכע חורבנות וואָס דער נאַציזם האָט גורם געווען און סײַ מיט די ערשטע אָנזאָגן אויף אַ נײַעם לעבן. זי איז געווען אין אָשוויענטשים, מײַדאַנעק, טרעבלינקע און האָט געבראַכט קיין אַרגענטינע אַ קעסטל אַש פון די קדושים וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די קרעמאַטאָריעס. מיט אַן אומפאַרגעסלעכן האַרצרײַסיקן טרויער וועלן די בוענאָס־אײַרעסער ייִדן דערמאָנען אויף אַלע אייביקייטן יענעם זונטיק ווען אויפן בית־עולם פון טאַבלאַדאַ איז דאָס אַש געבראַכט געוואָרן צו קבורה. דאָס פאַרזאַמלטע פאָלק פון טויזנטער מענער און פרויען האָט באַוויינט דעם גורל פון מיליאָנען ברידער און שוועסטער, פון די אומשולדיקע קרבנות פון היטלערס רוצחישן משוגעת, וואָס האָט אויסגעראָטן,

פאַרטיליקט, פאַרברענט, אויסגעשטיקט דורך גאַז, צעשאָסן, באַגראָבן לעבעדיקערהייט, פאַרפּײַניקט דורך הונגער כמעט צוויי דריטל פון ייִדישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע.

דער 18טער אַפּריל 1948, ערב דעם פינפטן יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן אין די אַנאַלן פון ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַרגענטינע. עס איז דעמאָלט דורכגעפירט געוואָרן אַ דערמאָנונגס־אַקט אין דעם גרעסטן בוענאָס־אײַרעסער לאָקאַל — אין לונאַ־פּאַרק, צו וועלכן עס זענען געקומען 25 טויזנט מענטשן. דאָס איז געווען אַן אַקט פון אמתער ייִדישער אייניקייט, אָרגאַניזירט אויף אַ בשותפותדיקן אופן דורך דער „דאַיאַ", דעם פּוילישן פאַרבאַנד און דעם וואַרשעווער לאַנדסלײַט־פאַראיין. דער פּרעזידענט פון אונדזער אינסטיטוציע איז געווען דאָרט איינער פון די רעדנערס. די דאָזיקע גרויסע פאַרזאַמלונג איז, צום באַדויערן, געווען איינע פון די לעצטע ווּ עס איז געקומען צום אויסדרוק דער געמיינזאַמער ווילן פון די ייִדן פון פאַרשידענע קרײַזן צו קעמפן קעגן נאַציזם און זיך קעגנשטעלן זײַן פאָרויסמאַרש אין דער וועלט. שפּעטער זענען געקומען יאָרן פון צעשפּליטערונג.

פאַרוואַלטונג פון לאַנדסלײַט־פאַראיין פון וואַרשע און אומגעגנט פּעריאָד 1954—1955



עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: נחום צוקער, קאַרלאָס נאַפּטאַל, מאַנעס שיינבוים (קאַסיר), נתן ראַדזאַנאָווסקי (פּאָרזיצער), יוסף לענגער (סעקרעטאַר), מלך פריידענרייך, בעריש דאָמב.
עס שטייען די אונטערשטע רײַ פון רעכטס צו לינקס: גדליה קאַליקשטיין, קאַרלאָס מאָטשידלאָווער, אברהם רעגענבוים, משה פּלאָרמאַן, ייִדל דיקשטיין, הערשל גאָלדשטיין, שלמה שמידט, הערשל בוראַקאָווסקי, פּנחס זלאָטאָ.
עס שטייען די אויבערשטע רײַ פון רעכטס צו לינקס: וועלוול סאַפּירשטיין, משה גאָלדשטיין, לייביש שוואַרץ, מאַטעס נאַבעל, נאַטאַן זשעליאָני, מאָניש מאַרדיקס, אברהם אָסטראָווער, יוסף בלושטיין.

אויף צו מאָרגנס נאָכן דאָזיקן אַקט, מאָנטיק דעם 19טן אַפּריל, פּונקט צום יאָרטאָג פון אויפשטאַנד, אין טאָג ווען מען האָט אין וואַרשע אַנטהילט דעם געטאָ־מאָנומענט, האָט דער וואַרשעווער לאַנדסלײַט־פאַראיין דורכגעפירט אַ צווייטן אַקט, אין סאַלאָן „אַרגענטינאַ", ווּהין עס איז געבראַכט געוואָרן אַ מאַקעט פונעם דענקמאָל. דער מאַקעט, אַ קונסט ווערק פון קינסטלער בן עמי, אויף דער באַשטעלונג פון וואַרשעווער לאַנדסלײַט־פאַראיין אין אַרגענטינע, איז שפּעטער איבערגעגעבן געוואָרן דעם היגן ייִוואָ.

בײַם מאַקעט איז געשטאַנען אַן ערנוואַך און טויזנטער ייִדן האָבן יענעם אָוונט אָפּגעגעבן כבוד די ייִדן־גיבורים געפאַלענע אין קאַמף. עס איז אויך געווען אַן אויסשטעלונג פון פאָטאָגראַפיעס פון די נאַציִשע גרוילטאַטן, פאַר וועלכע די באַזוכערס זענען דורכגעגאַנגען אין שטילשווײַגן און טרערן.

צו די הילף־טעטיקייטן פון אונדזער פאַריין דאַרף צוגערעכנט ווערן דאָס העכסט אַקטיווע באַטייליקן זיך אין דער אַרבעט פון „פאַראייניקטן קאַמפּיין" אין יאָר 1948, בעת די קאַמפן פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין ישראל קעגן דעם ענגלישן אָקופּאַנט און פאַר זייער מלוכישער זעלבסטשטענדיקייט און פאַר דער אויפשטעלונג פון דער מדינה. מיר האָבן דאַן צוגעטראָגן בײַ די הונדערט טויזנט פּעזעס.

מיר האָבן אויך אָנטייל גענומען אין דער אַקציע פון דער „פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן" בײַם שיקן מצד דעם „רויטן מגן־דוויד" אַמבולאַנסן קיין ישראל. די „פעדעראַציע" האָט געשיקט אַן אַמבולאַנס, צו וועלכן אויך די „וואַרשעווער" האָבן בײַגעטראָגן.

אויך ווען די „פעדעראַציע" איז אָנגעגאַנגען מיטן קאַמפּיין פון הײַזערבוי אין מדינת ישראל, האָט אונדזער פאַרוואַלטונג דעלעגירט איר מיטגליד, דעם ה' בעריש דאָמב, ער זאָל מיטאַרבעטן אין דער דאָזיקער אַקציע. חוץ דעם האָט דער וואַרשעווער לאַנדסלײַט־פאַראיין בײַגעשטײַערט אַ סומע געלט, אין באַטרעף פון איניקע הײַזער, אויפן נאָמען פון אונדזער היימשטאָט וואַרשע.

דאָס גלײַכן האָט אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט דעם שליח פון די ייִדישע קינדערהיימען אין פראַנקרײַך, פּ' פאַרבער, וועלכער איז געקומען אַהער מיט דער מיסיע צו זאַמלען הילף פאַר די אַנשטאַלטן וואָס האַלטן אויס די יתומים וועמעס עלטערן זענען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס. זינט פאַרבערס באַזוך ווערן פּערמאַנענט דורכגעפירט זאַמלונגען פאַר אַזעלכע קינדער־אינסטיטוציעס אין פראַנקרײַך און ישראל.

דער פאַראיין גיט אויך זײַנע בײַשטײַערונגען פאַר ייִדישע

אינסטיטוציעס אין בוענאָס־אײַרעס. ער זאָגט נישט אָפּ זײַנע יערלעכע און אויך ספּעציעלע און אויסערגעוויינלעכע בײַטראָגן פאַרן איפּט, איקוף, ייִוואָ, דער זשיטלאָווסקי־שול, שלום עליכם־שול, דער ביאַליק־שול און אַנדערע וועלטלעכע שולן, „אָרט", די בײדע אַזילן, דער ליגע קעגן טובערקולאָז, דעם ייִדישן שפּיטאָל. ווען אין שפּיטאָל איז דערעפנט געוואָרן דער נײַער פּאַוויליאָן, האָט אונדזער לאַנדסמאַנשאַפט אויף איר חשבון אויסגעשטאַט אַ קינדער־קאָנסולטאָריע, ווו עס הענגט טאַקע אַ שילדל מיט דער אויפשריפט „געשאָנקען פון וואַרשעווער לאַנדסלײַט־פאַראיין".

אין די צען יאָר פון זײַן עקסיסטענץ האָט דער פאַראיין בײַגעשטײַערט פאַר הילפצוועקן אָנדערטהאַלבן מיליאָן פּעזעס. דאָס איז באמת אַ גרויסע סומע.

דער פאַראיין האַלט אָן חברלעכע און לאַנדסמאַנשאַפטלעכע פאַרבינדונגען מיט וואַרשעווער אינסטיטוציעס אין אַנדערע לענדער. מיר שטייען אין פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט די וואַרשעווער פאַראײנען אין אורוגווײַ, פראַנקרײַך, בראַזיל, ניו־יאָרק — און פאַרשטייט זיך אויך מיט פּוילן. אויף דער פאַרבעטונג פון די „וואַרשעווער" אין מאָנטעווידעאָ, צו דער אוניווערסאַר־פײַערונג פון זייער אינסטיטוציע, זענען דעלעגירט געוואָרן אַהין אונדזערע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער ייִדל דיקשטיין און נאַטאַן זשעליאָני, און אויפן אַללאַטיינאַמעריקאַנישן צוזאַמענפאָר פון די פּוילישע ייִדן, וואָס איז פאָרגעקומען אין ריאָ־דע־זשאַניירא אין 1953, האָט אונדז פאַרטראָטן אונדזער סעקרעטאַר יוסף לענגער. לאָמיר דאָ דערמאָנען אַז בעת זײַן זײַן אין בראַזיל האָט ח' לענגער גענאָסן פון אַן עכטער פרײַנדשאַפטלעכער מיטאַרבעט מצד די בראַזיליאַנער פּוילישע ייִדן בײַם זאַמלען בײַשטײַערונגען פאַרן „פּנקס וואַרשע".

ח' לענגער האָט אויך געבראַכט 50 טויזנט פראַנק פון דעם וואַרשעווער־אָכאָטער־פּאָוואָנזקער־פאַראיין אין פּאַריז בײַ זײַן באַזוך אין פראַנקרײַך אין 1954.

היפּשע אויפטוען האָט אונדזער פאַראיין צו פאַרצייכענען וואָס שייך קולטור־טעטיקייט. עס עקסיסטירט אין פאַראיין אַ ביבליאָטעק מיט קנאַפּע טויזנט ביכער אין ייִדיש און אויך אין שפּאַניש, וואָס ציילט אַ גרויסע צאָל לייענער. אונדזערע איבערגעגעבענע טוערס גדליה קאַליקשטיין און וועלוול סאַפּירשטיין זענען ממש אומדערמידלעך בײַם שאַפן איר גוטע פונקציאָנירונג און בײַם אײַנהאַנדלען נײַע ביכער. מיר אָרדענען אויך אײַן קולטור־אָוונטן און רעפעראַטן אויף ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס. אַזוי האָבן די טריבונע פון אונדזער פאַראיין פאַרנומען די חשובע פרעלעגענטן פּיניע קאַץ, בצלאל בליץ, פאַליק קאַטאָווסקי, שניאור וואַסערמאַן, יאָסל גאָלדבערג, ד"ר ל. זשיטניצקי, מיכאַל גערבעראָוו, — פון די אַרגענטינער, און די אויסלענדישע קולטורגעסט זישע ווײַנפּער, בן־ציון גאָלדבערג, מרים ראַבינאָוויטש גאָלדבערג (שלום עליכמס טאָכטער), פּסח נאָוויק, אַלמאַזאָוו, איסר גאָלדבערג, יעקב ראָטבאַום, דאַווידאָוויטש און אברהם ביק. עס איז שוין אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט אַז דער „וואַרשעווער לאַנדסלײַט פאַראיין אין אַרגענטינע" זאָל אויפנעמען און זאָל געבן זײַנע סאַלאָנען פאַר מענטשן וואָס מיט זייער וואָרט ברענגען זיי אַרײַן דערהויבונג און קולטור. הלוואי וואָלטן מיר געקאָנט רעאַליזירן אונדזער שטרעבונג אַזוי אָפט ווי מיר ווילן.

צו די גרויסע קולטור־אָוונטן פון אונדזער פאַראיין דאַרף פאַר־

פרויען־קאָמיסיע בײַם וואַרשעווער לאַנדסלײַט־פאַראײן

עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: נאַטקע פריידענרייך, חיהלע ווײַנשענקער (קאַסירערין), מאַניע בירנצווײַג (פאָרזיצערין), ראַקעל ליפּשיץ (סעקרעטאַרין), העלאַ זלאָטאַ, דאָראַ רעגענבוים.

עס שטייען די אונטערשטע רײַ פון רעכטס צו לינקס: באַלבינע קאַליקשטיין (וויצע פאָרזיצערין), ראָכטשע מאָטשידלאָווער, פייגע אָסטראָווער, פערל דאָמב, יאַדזשאַ שוואַרץ, ראָסאַ מאַרדיקס, ראָסאַ שידלאָווסקי, האָדעס ראַדזאַנאָווסקי.

עס שטייען צווייטע רײַ: זאַהאַוואַ גינסבורג, באַלטשע זעלטמאַן, גיטל בערעלסאָן, שרה דיקשטיין, פריידע גאָלדבערג, חנה צוקער.

רעכנט ווערן די געזעגענונג פֿאַר די טעאַטער־קינסטלערס רבקה שילער און חבל בוזגאַן ערב זייער אָפּפֿאָר קיין פּוילן. עס איז געקומען דאַן אַ גרויסער עולם, וואָס דאָס האָט געוויזן אַז די ייִדישע פֿאָלקסמאַסן האָבן אַ ביז גאָר ערנסטע באַציִונג צום בעסערן ייִדישן טעאַטער און צו זײַנע טרעגערס. עס קלינגען נאָך איצטער אין די אויערן די צאַפּלדיקע ווערטער פֿון רבקה שילער: „ערשט הײַנט, דאָ אויף דער געזעגענונג־אַקט פֿאַר אונדז, פֿיל איך וואָס עס הייסט באַציִונג צום טעאַטער, וואָס עס הייסט האָבן אַזעלכע וואַרעמע צושויערס, נ‌ָעמען עס פֿאַרבינדט מיט אונדז די ליבע צו דער עכטער ייִדישער בינעקונסט... אייביק וועלן מיר, איך און חבל, געדענקען דעם הײַנטיקן אָוונט, וועלכער האָט אונדז געגעבן אַזוי פֿיל וואַרעמקייט און גלויבן אין דער עקסיסטענץ פֿון אַ טײַערן ייִדישן פּובליקום...”

מיר האָבן אויך אַרויסגעגעבן אַ פּאָעטיש בוך „דאָס ליד פֿון מײַן היים” פֿון אונדזער לאַנדסמאַנקע, דער יונגער דיכטערין רחל מינצעס. די דאָזיקע פּאָעמע, געהייליקט וואַרשע, פֿירט אונדז איבער די וואַרשעווער ייִדישע גאַסן און בעל־מלאכישע שטובן, ווו בײַ די צאַנקנדיקע ליכטלעך טויכט אויף דאָס רעוואָלוציאָנערע באַוווּסטזײַן פֿון דעם ייִדישן אַרבעטער־פֿאָלק. מיר גייען דערנאָך צוזאַמען מיט דער דיכטערין איבערן געטאָ וואָס ווערט פֿאַרצערט דורך די פֿײַערן וועלכע עס צינדן אָן די נאַצישע משחיתים פֿון אויבן און אונטן. מיר געפֿינען זיך אין איינעם מיט די העלדן, מיט די אויפֿשטענדלערס, מיט די פֿאַרטיידיקערס פֿון ייִדישן כבוד, מיט די פֿאָרזעצערס פֿון סטאַלינגראַדער העראָיִזם. — —

דער לייענער־קרײַז „19טער אַפּרילֿ” בײַם וואַרשעווער לאַנדסלײַט־פֿאַראיין.

די פֿרויען אין אונדזער פֿאַראיין טוען אַ באַזונדערע קולטור־טעטיקייט. זיי האָבן אַ לייענקרײַז „19טער אַפּריל” וועלכער איז אָנגעשלאָסן אין דער גרויסער קייט לייענקרײַזן וואָס עס עקסיסטירן אין בוענאָס־אײַרעס.

בכלל דאַרף באַזונדערס אויסגעטײלט ווערן אונדזער דינאַמישע פֿרויען קאָמיסיע. זי איז אַ הויפּטנערוו אין דער אַרבעט פֿון פֿאַראיין. נישטאָ קיין טעטיקייט אָן דער פֿרויען־קאָמיסיע. ווו זי רירט זיך צו, איז די אַרבעט אַ געבענטשטע. דאַרף זײַן אַ טיי — ווערט דערפֿון אַ באַנקעט פֿון כל־טוב, עס וואַקסט אויס אויף די טישן פֿון אַל דאָס גוטס. האָבן מיר אַ זאַמלונג, אַן איניציאַטיווע — זענען די פֿרויען דערבײַ די אַקטיווסטע. קומט פֿאָר אַן אונטערנעמונג און מען דאַרף פֿאַרקויפֿן בילעטן — איז ווי וואָלטן מיר דאָס געקענט דורכפֿירן אָן אונדזערע חברטעס? לאָמיר זיך נישט שעמען און זאָגן אַז זיי זענען טאַקע די בעסערע העלפֿט פֿון אונדזער אַרבעט.

וואָס שייך די אַלגעמיינע געזעלשאַפֿטלעכע טעטיקייטן פֿון אונדזער לאַנדסמאַנשאַפֿט, דאַרפֿן מיר דערמאָנען אונדזער אַקטיווע מיטאַרבעט מיטן „איקוף” און מיט אַנדערע לאַנדסלײַט־פֿאַראיינען.

מיר באַטייליקן זיך ביז גאָר אַקטיוו אין ייִדישן געזעלשאַפֿטלעכן לעבן אין בוענאָס־אײַרעס און די ראָלע פֿון די „וואַרשעווער” איז זיכער נישט קיין קליינע. דאָס מערקט זיך גאָר שטאַרק בײַ די וואַלן צו די פֿאַרשידענע ייִדישע אינסטיטוציעס און דער עיקר בעת די קהילה־וואַלן. אין יאָר 1949 איז אפֿילו אויסגעקליבן געוואָרן אויף דער ליסטע פֿון דער „פֿעדעראַציע” אונדזער פֿאַרוואַלטונגס־מיטגליד ייִדל דיקשטיין אַלס וואָקאַל פֿון דער אַמיאַ (קהילה).

מיר האָבן שוין דערמאָנט די לײַקאַסע „לאַוואַזשע” וואָס עקסיסטירט בײַ אונדזער פֿאַראיין. פֿאַקטיש איז עס אַ באַזונדערע אינסטיטוציע, אַ דעמאָקראַטישע און פֿאָלקסטימלעכע, וואָס דערפֿילט אַ וויכטיקע מיסיע צווישן אירע מיטגלידער דורך אַרויסגעבן קלענערע און גרעסערע הלוואות — אָן פּראָצענטן, אָן דעם אַז מען זאָל דאַרפֿן אימעצן קלאַפּן אין פּלייצע, אויף יסודות פֿון קאָאָפּעראַטיווער סאָלידאַריטעט, אויף אַ חברלעכן שטייגער. ערשט אַ

דירעקטאָריום פון דער קרעדיט־קאָאָפּעראַטיווע בײַם וואַרשעווער לאַנדסלײַט פאַראיין „קאַסאַ פּאָפּולאַר לאַוואַזשע"

עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: הערשל גאָלדשטיין (קאַסיר), מלך פריידענרייך (וויצע פּאָרזיצער), אברהם אָסטראָווער (פּאָרזיצער), אברהם אַקסעלרוד (פּאַרוואַלטער), משה געלבלונג (סעקרעטאַר).
עס שטייען פון רעכטס צו לינקס: שלמה שמידט, משה גאָלדשטיין, גדליה קאַליקשטיין, נחום צוקער, בעריש דאָמב, יוסף בלושטיין, מאָניש מאַרדיקס.

יאָר ווי די לײַקאַסע איז געשאַפן געוואָרן און שוין איז איר אומזאַץ אויסגעוואַקסן ביז 700.000 פּעזעס. דאָס איז דער בעסטער אַטעסטאַט פון דער נוצלעכקייט און וויכטיקייט פון איר אַרבעט.

דער וואַרשעווער לאַנדסלײַט־פאַראיין איז אַן אמתע גײַסטיקע היים פאַר אונדזערע מיטגלידער. זיי קומען זיך צונויף אין זײַנע לאָקאַלן כדי צו באַהאַנדלען געזעלשאַפטלעכע ענינים — וועגן עפּענען נײַע שולן, וועגן אַ געוויסן קולטור־צענטער, און ענלעכס. אַ מאָל טרעפט מען זיך אויף אַ קולטור־צוזאַמענקום. עס איז דאָ אַ רעדנער וואָס האַלט אַ לעקציע וועגן פּרצן אָדער אַ צווייטן ייִדישן קלאַסיקער, אָדער וועגן „דאָן קיכאָט" פון סערוואַנטעס. קומט אַ גאַסט פון „אויסלאַנד", איז דאָך אוודאי אינטערעסאַנט צו הערן אַ גרוס פון יענעם לאַנד. עס ווערן געמאַכט בײַ געלעגנהייטן פאַרשידענע באַנקעטן, וועטשערעס און צוזאַמענקומען. פּריוואַטע משפּחה־יום־טובים פון אונדזער אַקטיוו ווערן איבערגעטראָגן אין פאַראיין מיט אַ „לחיים", ווי מען פרייט זיך מיטן בעל־שמחה צו זײַן משפּחה־יום־טוב און דער צוזאַמענקום ווערט אויסגענוצט פאַראיינסצוועקן.

גאָר פײַערלעך און מיט טיפן יראת הכבוד דערמאָנט דער פאַראיין יאָר־יערלעך דעם 19טן אַפּריל, דעם יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. נישט שטענדיק אָבער איז מעגלעך צו רעאַליזירן עפנטלעכע אַקטן. הײַנטיקס יאָר 1955, צב"ש, אין דעם יאָר פון די שילומים, האָבן מיר די געטאָ־פײַערונג געמוזט דורכפירן בחדרי־חדרים, ווי די מאַראַנען . . .

צום געטאָ־יאָרצײַט קומען זיך צונויף אויפן בית־עולם אין טאַבלאַדאַ, טויזנטער לאַנדסלײַט, און לעבן מאָנומענט פון די קדושים, ווו עס ליגט דאָס קעסטעלע אַש וואָס איז געבראַכט געוואָרן דורך דער לאַנדסמאַנשאַפטן־דעלעגאַציע, הערן זיי אויס דעם רעליגיעזן טייל פון אַ חזן און די ווערטער פון אַ רעדנער.

לאָמיר פאַרענדיקן דעם באַריכט וועגן דעם „וואַרשעווער

דער אַקטיוו פון וואַרשעווער לאַנדסלײַט־פאַראיין בעת פּיניע קאַצס אַ פאָרלעזונג וועגן „דאָן קיכאָט".

פֿנקס-קאָמיטעט

עס זיצן פֿון רעכטס צו לינקס: װעלװל סאַפּירשטײן, ייִדל דיקשטײן, גדליה קאַליקשטײן, בעריש דאָמב, מאַטעס נאַבעל, יוסף לענגער, קאַרלאָס נאַפּטאַל, משה גאָלדשטײן, נתן ראַדזאַנאָװסקי.

לאַנדסלײַט-פֿאַראײן אין אַרגענטינע" מיט עטלעכע װערטער װעגן „פֿנקס װאַרשע".

דער פֿאָרשלאָג װעגן אַרויסגעבן אַזאַ בוך איז געקומען פֿון אונדזער לאַנגיאָריקן פֿאַרװאַלטונגס-מיטגליד ח' בעריש דאָמב.

דאָס איז געװען אַ געװאַגטער געדאַנק, װאָרעם נישט לײַכט איז צו רעאַליזירן דעם פֿנקס פֿון אַזאַ עיר ואם בישראל װי עס איז געװען װאַרשע.

דאָך איז דער באַשלוס װעגן דעם אָנגענומען געװאָרן און איצטער האָבן מיר דעם 1טן באַנד פֿון „פֿנקס" אַ פֿאַרענדיקטן.

מיר האָבן פֿאַרשטאַנען אַז אונדזער גרויסע הײמשטאָט, װאָס האָט געלעבט אַ לאַנג היסטאָריש לעבן און איז אומגעקומען אין גבורה און קדושה, איז װערט פֿאַראײביקט צו װערן.

מיר האָבן זיך דורכגענומען מיטן באַװוּסטזײַן אַז די זין און טעכטער פֿון דער ייִדישער װאַרשע, צעזײטע איבער דער גרויסער װעלט, זענען מחויב די דאָזיקע אַרבעט צו טאָן.

האָבן מיר אויסגעקליבן אַ פֿנקס-קאָמיסיע, װאָס איר אויפֿגאַבע איז געװען צו רעאַליזירן דעם באַשלוס װעגן „פֿנקס-װאַרשע".

פֿון דער דאָזיקער קאָמיסיע דערלויבן מיר זיך באַזונדערס אויסצוטײלן די נעמען פֿון די חברים גדליה קאַליקשטײן און שמואל קאַמינסקי, װאָס האָבן מיט זײער אומדערמידלעכער אַרבעט פֿיל בײַגעטראָגן אַז דער „פֿנקס װאַרשע" זאָל דערזען די ליכטיקע שײַן.

די קאָמיסיע האָט איר ציל דערגרייכט און דער ערשטער באַנד פֿון „פֿנקס" איז געװאָרן אַ פֿאַקט.

דאָס איז די בעסטע סאַטיספֿאַקציע פֿאַר דעם װאַרשעװער לאַנדסלײַט-פֿאַראײן אין גאַנצן, פֿאַר אַלע זײַנע מיטגלידער און טוערס, און דער עיקר פֿאַר זײַן פֿאַרװאַלטונג און אירע באַזונדערע קאָמיסיעס.

און עס איז אַ גרויסער דערגרייכונג פֿאַר אַלע װאַרשעװער לאַנדסלײַט סײַ דאָ אין אַרגענטינע און סײַ אין דער גאַנצער װעלט.

רעדאַקציע פֿון פֿנקס װאַרשע

פֿון רעכטס צו לינקס: גדליה קאַליקשטײן, מענדל זאַקס, פּיניע קאַץ, מאָטל זאַקין און שמואל קאַמינסקי

פאַרוואַלטונגען און קאָמיסיעס פון אונדזער פאַריין

צוליב דער אוממעגלעכקייט אויסצורעכענען אַלע פאַרוואַלטונגען און פאַרשידענע קאָמיסיעס, טוערס און אַקטיוויסטן בײַם פאַריין דורך דער צײַט פון זײַן 10יעריקער עקסיסטענץ, וועלן מיר בלויז דערמאָנען די פּרעזידענטן פון פאַראיין: מאַוריסיאָ פּסאַנקעוויטש, אברהם זאַלצמאַן, משה פלאָרמאַן, מאַטעס נאַבעל, ייִדל דיקשטיין און אין דעם איצטיקן פּעריאָד נתן ראַדזאַנאָווסקי.

פּרעזידענטינס פון דער פרויען־קאָמיסיע: רעגינאַ שאַפּיראָ (געשטאָרבן), שרה דיקשטיין, בערטאַ זאַלצמאַן און מאַניע בירענצווײַג (אין איצטיקן פּעריאָד).

*

פאַרוואַלטונג און קאָמיסיעס פון וואַרשעווער לאַנדסלייט־פאַראיין אין 1954—1955

פאַרוואַלטונג: נתן ראַדזאַנאָווסקי — פּרעזידענט, יוסף לענגער — סעקרעטאַר, מאַנעס שיינבוים — קאַסיר. וואָקאַלן: נחום צוקער, קאַרלאָס נאַפּטאַל, מלך פריידענרייך, בעריש דאָמב, פּנחס זלאָטאַ, הערשל בוראַקאָווסקי, שלמה שמידט, הערשל גאָלדשטיין, ייִדל דיקשטיין, משה פלאָרמאַן, אברהם רעגענבוים, קאַרלאָס מאָטשידלאָווער, ג. קאַליקשטיין, כאָסע בלושטיין, אברהם אָסטראָווער, שמואל קאַמינסקי, מאָניש מאַרדיקס, נאַטאַן זשעלאָני, מאַטעס נאַבעל, לייביש שוואַרץ, משה גאָלדשטיין, וועלוול סאַפּירשטיין.

פרויען־קאָמיסיע: מאַניע בירנצווייג — פּרעזידענטין, ראַקעל ליפּשיץ — סעקרעטאַרין, חיהלע וויינשענקער — קאַסירערין, נאַטקע פריידענרייך, העלאַ זלאָטאַ, דאָראַ רעגענבוים, האָדעס ראַדזאַנאָווסקי, ראָסאַ שידלאָווסקי, ראָסאַ מאַרדיקס, יאַדזשע שוואַרץ, פּערל דאָמב, פייגעלע אָסטראָווער, ראָכטשע מאָטשידלאָווער, באַלבינע קאַליקשטיין, אַנאַ צוקער, פרידאַ גאָלדבערג סאַראַ דיקשטיין, גיטל בערענסאָן, ביילטשע זעלטמאַן, זאַהאַוואַ גינסבורג, אסתר גאָלדשטיין, בעלאַ שמידט, בערטאַ זאַלצמאַן, דאָראַ עסטערזאָן, מאַניע אונטערהענדלער, אסתר גאָלדמאַן, בראָנקע ליפּאַ.

ביבליאָטעק־קאָמיסיע: גדליה קאַליקשטיין און וועלוול סאַפּירשטיין.

לײַקאַסע דירעקטאָריום: אברהם אָסטראָווער — פּרעזידענט, משה געלבלונג — סעקרעטאַר, הערשל גאָלדשטיין — קאַסיר, אברהם אַקסעלרוד — פאַרוואַלטער. וואָקאַלן: מלך פריידענרייך, שלמה שמידט, משה גאָלדשטיין, גדליה קאַליקשטיין, נחום צוקער, בעריש דאָמב, כאָסע בלושטיין, מאָניש מאַרדיקס, ראַפאַל זאָנאַבענד.

דער אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער ייִדן

די געשיכטע פון דעם „אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער ייִדן” נעמט אַרום בסך־הכל אַ פּעריאָד פון אַרום עלף יאָר. אין צאָל פון יאָרן שטעלט ער מיט זיך פאָר אַ קורצן צײַט־שטח, וואָס אין נאָרמאַלע טערמינען וואָלט אַן אָרגאַניזאַציע זיך אפשר אפילו נישט אָפּגעשטעלט צו פאַרצייכענען וואָס זי האָט אויפגעטאָן, סײַדן אין אַ לאָקאַלן באַריכט צו אירע מיטגלידער. און אוודאי וואָלט נישט געקאָנט זײַן קיין רייד וועגן אַרײַנשרײַבן זיך אין אַ פּנקס לדורות.

אָט די קריטעריע קאָן אָבער בשום אופן נישט אָנגעווענדט ווערן אויף דעם „אַמעריקאַנער קאָנסיל”, צוליב עטלעכע טעמים:

ערשטנס, איז דער „אַמעריקאַנער קאָנסיל” געקומען צום לעבן אין אַ זייער אומנאָרמאַלער צײַט; צווייטנס האָט ער, טאַקע צוליב דער אומנאָרמאַלקייט פון דער צײַט, אָנגעצייכנט פאַר זיך דרינגענדיקע און זייער וואָרטפולע אויפגאַבעס, וואָס ער האָט מיט אַ סך אחריות, אין אַ גרויסער מאָס דורכגעפירט. און דריטנס, האָט דער קאָנסיל, סײַ דורך זײַן אימפּעט, מיט וועלכן ער איז צוגעטראָטן צו שאַפן באַלדיקע ברידערלעכע הילף צו די ייִדן פון וואַרשע, וואָס זענען געווען צעזייט און צעשפּרייט אויף שבעה ימים, סײַ דורך די מעטאָדן פון הילף וואָס ער האָט אָנגעווענדט, גורם געווען אויפצורודערן די ייִדישע עפנטלעכקייט צו ברייטערע און גיכערע הילף־מעשים אין דעם ערב פון דעם סוף און באַלד נאָכן סוף פון מלחמה און חורבן און דאָס איז זייער אַ וואָרטפולער עלעמענט.

דער שטויס צו דעם געבורט פון „אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער ייִדן”, וואָס איז פאָרגעקומען אין פרילינג פון דעם יאָר 1943, איז געווען די נײַס וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגן איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן צו אונדז אין צפון־אַמעריקע וועגן דעם גראַנגל אויף לעבן און טויט, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין וואַרשע, מיט דעם בלוטיקסטן שונא פון דער מענטשהייט — דעם היטלעריזם — ערב דעם היסטאָרישן העלדישן אויפשטאַנד פון די בערך פערציק אָדער פופציק טויזנט פאַרבליבענע ייִדן אין דעם וואַרשעווער געטאָ קעגן די באַוואָפנטע און באַפּאַנצערטע נאַצישע חיילות.

אין יענער צײַט איז שוין געווען באַוווּסט, אַז די איבערוועגנדיקע מערהייט פון דעם דרײַ־ און אַ האַלב מיליאָניקן פּוילישן ייִדנטום איז שוין געהאַט פאַרשניטן געוואָרן דורך די הענט פון די נאַצישע רוצחים און אַז כדי צו ראַטעווען די שארית־הפּליטה, מוזן אַלע כוחות פאַראייניקט ווערן — באַלד, תיכּף!

אַ קורצע מעלדונג אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע, אין חודש אַפּריל 1943, האָט דערציילט אַז אַ פּוילישער באַאַמטער, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון פּוילן און איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן, האָט געבראַכט אַ גרוס וואָס עטלעכע ייִדישע פאָרשטייער פון וואַרשע האָבן געשיקט מיט אים צו די ייִדן אין אייראָפּע, און דער עיקר צו ייִדן אין אַמעריקע. אין דאָזיקן גרוס האָט זיך געזאָגט אַז: „...אין אונדזער גרויסן אומגליק טוט אונדז מער וויי די גלײַכגילטיקייט פון אונדזערע אַמעריקאַנער ברידער, ווי די מאַטערנישן וואָס מיר לײַדן פון די בעסטיאַלישע נאַצים...”

אָט־דער גאַליקער גרוס איז געווען אַ שאַרפע מאָנונג און אַ שאַלרוף צו באַלדיקער אַקציע — אַ רוף וואָס האָט אויפגעוועקט און אויפגעטרייסלט אַ גרויסן טייל פון די וואַרשעווער ייִדישע לאַנדסלײַט זיך צו אָרגאַניזירן פאַר באַלדיקער הילף דורך אַלע מעגלעכע און אַפילו אוממעגלעכע וועגן, לטובת אונדזערע פאַרפּײַניקטע וואַרשעווער שוועסטער און ברידער.

נאָך איידער מיר גייען אַריבער צו דער געשיכטע פון דעם „אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער ייִדן”, איז וויכטיק צו פאַרצייכענען, כאָטש אין קורצן, אייניקע פאַקטן וועגן דעם געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם און אָרט פון די וואַרשעווער ייִדן אין דעם לעבן פון דעם פינף־און־אַ האַלב מיליאָניקן ייִדישן קיבוץ אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט אַ סך בײַגעטראָגן צו די 300 יאָר געשיכטע פון דעם ייִדישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן. די נעמען פון חיים סאַלאָמאָן, מיכל היילפּערן, טעאָדאָר וויינער און אומצאָליקע אַנדערע נעמען, צוזאַמען מיט די נעמען פון די פּוילישע העלדישע קעמפערס פּולאַווסקי און קאָסציושקאָ, שײַנען אַרויס מיט זייער העראָיִזם און מסירת־נפשדיקן אָנטייל אין די קאַמפן פאַר דער זעלבשטענדיקייט און פרײַהייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אין דער ברויזנדיקער אַבאָליציאָניסטישער באַוועגונג מיט אַ הונדערט יאָר צוריק, און שפּעטער אין די קאַמפן פאַר דער אָפּשאַפונג פון נעגער־שקלאַפערײַ.

אומענדלעך לאַנג איז די רשימה פון פּוילישע ייִדן און זייערע זין און טעכטער, געבוירענע אין אַמעריקע, וועלכע האָבן געקעמפט און פון וועלכע אַ סך האָבן זייערע יונגע לעבנס אַוועקגעגעבן אין די רייען פון די אַמעריקאַנער באַוואָפנטע קרעפטן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

אָבער נישט נאָר ווי יחידים נאָר אויך ווי אָרגאַניזירטע קאָלעקטיווע גרופּעס, האָבן די וואַרשעווער ייִדן בײַגעטראָגן סײַ צום ייִדישן געזעלשאַפטלעכן, עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן און סײַ ווי צום אַלגעמיינעם לעבן פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק צו די מאַסן־עמיגראַציע פון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1881, האָט ביז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה

אַרײַנגעבראַכט נישט ווייניקער ווי אַרום צוויי הונדערט טויזנט יִדן פון וואַרשע.

פּונקט ווי די יִדן פון אַנדערע שטעט און לענדער, האָבן די וואַרשעווער יִדן אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַניזירן אין אַלערליי פאַראיינען און געזעלשאַפטן און בויען און באַפעסטיקן פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע, וווילטעטיקע, רעליגיעזע און וועלטלעכע אינסטיטוציעס.

איינע פון די סאַמע ערשטע אָרגאַניזאַציעס פון פּוילישע יִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז די פּויליש־יִדישע לאַנדסמאַנשאַפט. וואַרשעווער קראַנקן־אונטערשטיצונגס־פאַראיין „בני יעקב", וואָס האָט זיך געגרינדעט אין ניו־יאָרק דעם 3טן פעברואַר 1870 -- מיט העכער אַ צענדליק יאָר פריִער איידער דער גרויסער אימיגראַציע־שטראָם פון מזרח־אייראָפּעיִשע יִדן האָט זיך אָנגעהויבן. אָט־די לאַנדסמאַנשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן אויף אַ ברית בײַ אַ לאַנדסמאַן אין הויז, מיט 25 מיטגלידער.

בכלל האָט די מאַסן־עמיגראַציע פון פּוילישע יִדן קיין אַמעריקע זיך אָנגעהויבן אַ סך פריִער ווי די עמיגראַציע פון אוקראַיִנע, ליטע און ווייסרוסלאַנד. איר גרויסער אָנהייב פאַלט אויס באַלד נאָכן פּוילישן אויפשטאַנד אין 1863, אָבער פאַקטן ווען אַן אָנהייב -- ריכטיקער: ווען אָנהייבן — פון אַן אָרגאַניזירט לעבן פון פּוילישע יִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן געפינען מיר אַ סך פריִער.

נאָך אַזוי פרי ווי אין 1819 האָט אין דער שטאָט סינסינעטי שוין עקסיסטירט אַ פּוילישע שיל, כאָטש נישט אַלע מתפּללים אין יענער שיל זענען געווען פּוילישע יִדן. אין 1832 האָבן פּוילישע יִדן אין טשאַרלסטאָן, אַ שטאָט אין דרום פון די פאַראייניקטע שטאַטן, זיך אָפּגעשפּאָלטן פון דער דאָרטיקער רעפאָרם־שיל און געגרינדעט אַן אייגענעם בית־תפילה.

אין דער געשיכטע פון דער אַנטשטייונג פון יִדישע לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַמעריקע געפינען מיר אַז אין 1851 איז אין לויִוויל, קענטאָקי, אָרגאַניזירט געוואָרן די „קהילה בית־ישראל אנשי־פּוילן"; אַז אין 1853 האָט אין ניו־יאָרק עקסיסטירט דער „בית־מדרש ילידי פּוילן" און אַז אַרום 1860 איז שוין דאָ געווען אַ חסידים־שטיבל. די ערשטע גרויסע וואַרשעווער שיל („ערשטע וואַרשעווער קאָנגרעגעישאָן"), וואָס געפינט זיך ביז הײַנטיקן טאָג אויף 60 ריווינגטאָן־סטריט, איז געגרינדעט געוואָרן אין 1894.

און אָט איז אַ טיילווײַזע רשימה פון וואַרשעווער יִדישע אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפטן און אַנשטאַלטן אין ניו־יאָרק, וואָס האָבן זיך געגרינדעט אין פאַרשידענע צײַטן (לויט דעם בוך „יִדישע לאַנדסמאַנשאַפטן אין ניו־יאָרק", אַרויסגעגעבן פון דער יִדישער שרײַבער־גרופּע אויפן פעדעראַלן שרײַבער־פּראָיעקט אין 1938):

„וואַרשעווער מושב־זקנים אויפן נאָמען פון חיים סאָלאָמאָן", געגרינדעט אין 1925; „וואַרשעווער קראַנקן אונטערשטיצונגס־פאַראיין בני ישראל", געגרינדעט אין 1902; „וואַרשעווער דאָטערס אָוו איזראַעל" (ישראלס טעכטער), אָרגאַניזירט אין 1903; „וואַרשעווער־פּראַגער יאָנג־מענס־ברענטש 50 אַרבעטער־רינג", געגרינדעט אין 1904; „וואַרשעווער בענעוואָלענט סאָסייטי", געשאַפן אין 1906; „וואַרשעווער פּראָגרעסיווע אַסאָסעישאָן" — 1906; „וואַרשעווער מעדעם־ברענטש, 215 אַרבעטער־רינג" — 1908; „וואַרשעווער־אומגעגנט־ברידערלעכע־סאָסייעטי" — 1914.

אָט אַזוי ציט זיך אַ לאַנג צעטל פון פאַרשידענע וואַרשעווער אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען אין באַזונדערע צײַטן, ביז אין די דרײַסיקער יאָרן, געשאַפן געוואָרן דורך גרופּעס, פאַר פאַרשידנאַרטיקע צוועקן.

מיטן גאַנג פון דער צײַט איז פון די אַ מאָל יונגע און מיטליעריקע אָנגעוואָקסן אַן עלטערער דור פון וואַרשעווער יִדן, און ס'איז אַנטשטאַנען אַ נויטיקייט צו זאָרגן פאַר לאַנדסלײַט־זקנים, וועלכע נייטיקן זיך אין אַ היים. אַזוי איז אין 1925 געגרינדעט געוואָרן אַ וואַרשעווער מושב־זקנים, אויפן נאָמען פון חיים סאָלאָמאָן, וואָס איז זיך פונאַנדערגעוואָקסן אין אַ גרויסער אינסטיטוציע.

אין מײַ 1908 איז אָרגאַניזירט געוואָרן דער „פאַרבאַנד פון פּוילישע יִדן אין אַמעריקע", וואָס האָט געשפּילט אַ באַזונדער קאָנסטרוקטיווע ראָלע אין משך פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט און ער ווירקט און פונקציאָנירט ביזן הײַנטיקן טאָג. פאַרשטענדלעך אַז כאָטש די יִדן האָבן דאָ געגרינדעט זעלבשטענדיקע וואַרשעווער לאַנדסמאַנשאַפטן און געבויט אינסטיטוציעס, האָבן זיי זיך אָבער נישט איזאָלירט פון דעם גאַנצן פּויליש־יִדישן אָרגאַניזם אין די פאַראייניקטע שטאַטן. פאַרקערט, זיי האָבן, סײַ אַלס זעלבסטשטענדיקע וואַרשעווער קערפּערשאַפטן, סײַ אַלס וואַרשעווער אין אַ קאָלעקטיוון זינען, זיך באַטייליקט אין אַלע טעטיקייטן פון די פּוילישע יִדן אין אַמעריקע און האָבן אַ סך בײַגעטראָגן לטובת די יִדן אין פּוילן. אַ באַזונדער אָנגעזעענע ראָלע האָבן די וואַרשעווער יִדישע אָרגאַניזאַציעס געשפּילט אין דער שאַפונג און אין דעם פונקציאָנירן פון דער פעדעראַציע פון פּוילישע יִדן אין אַמעריקע.

שוין אפילו נאָך דעם ווי דער „אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער יִדן" האָט זיך געגרינדעט, האָבן די וואַרשעווער־יִדישע אָרגאַניזאַציעס באַזונדער און דער וואַרשעווער קאָנסיל אַלס פאַראייניקטע קערפּערשאַפט פון וואַרשעווער יִדן אין אַמעריקע, זיך נישט אָפּגעזונדערט פון דער פּויליש־יִדישער פעדעראַציע, נאָר האָבן ווײַטער מיטגעאַרבעט און מיטגעווירקט מיט איר.

אָט דער מאָמענט ווערט ספּעציעל באַטאָנט אין אַ לייט־אַרטיקל אין דעם ערשטן נומער פון „אונדזער זשורנאַל" (30־טער אַפּריל 1944) וואָס דער „אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער יִדן" האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן פּעריאָדיש, אַ יאָר נאָך דעם ווי דער קאָנסיל האָט זיך געגרינדעט. אין יענעם לייט־אַרטיקל זאָגט זיך צווישן אַנדערס:

> „מיר, וואַרשעווער יִדן, זענען באַזונדערס פאַראינטערעסירט אַז פּוילישע יִדן אין אַמעריקע, סײַ די וואָס זענען שוין דאָ פון לאַנג, סײַ די וואָס זענען נישט לאַנג אַריבערגעקומען, זאָלן אויף אַ געמיינזאַמען אופן העלפן דעם פּוילישן יִדנטום אומעטום ווו פּוילישע יִדן געפינען זיך — — פּאָליטיש, מאָראַליש און פינאַנציעל."

צום סוף פון יענעם לייט־אַרטיקל ווערט קרעפטיק אונטערגעשטראָכן:

> „אַ שטאַרקע פעדעראַציע פון פּוילישע יִדן, אָן אינערלעכע מחלוקת — אויך אַ שטאַרקער קאָנסיל פון וואַרשעווער יִדן — קאָנען איינס דאָס אַנדערע זיך געבן שטיצע."

די גרינדונג פון דעם וואַרשעווער קאָנסיל

דער „אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער ייִדן" איז געגרינדעט געוואָרן אין מאַרץ 1943, אויף דער איניציאַטיוו פון אַ קליינער גרופּע יחידים־פּיאָנערן וואָס האָבן אַרויסגעלאָזט דעם ערשטן רוף פאַר אַ באַראַטונג, פון וועלכער ס'איז אין אַ קורצער צײַט אַרויסגעוואָקסן אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר. אין אָט דעם ערשטן צוזאַמענפאָר פון וואַרשעווער ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, אָפּגעהאַלטן דעם 20טן יוני 1943, האָבן אָנטייל גענומען פאָרשטייערס פון אַרום 50 וואַרשעווער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס פון ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט, אַחוץ אַן ערך הונדערט יחידים, געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוערס, וואָס זענען געקומען צולייגן אַ ברידערלעכע האַנט פון הילף.

די רשימה פון די איניציאַטאָרן איז באַשטאַנען פון די ווײַטערדיקע אָנגעזעענע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־טוערס: ז. טיגעל, סעמיועל וואָהל, קלמן פרידמאַן, סעמיועל דרעוונאָוויטש, מאַקס סילווערסטיין, בלומענשטאָק, ד. לעבענבאַום, ב. אַשענפאַרב.

דער באַלדיקער אָפּרוף איז געווען אַ באַדײַטנדיקער. עס דאַרף אָבער למען דעם געשיכטלעכן אמת פאַרצייכנט ווערן, אַז אַ קליינער טייל פון די וואַרשעווער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס איז ניט צוגעשטאַנען צו דער קאָנווענשאָן און געבליבן פון דער ווייטנס פון די הילפסאַקציעס און אַנדערע טעטיקייטן וואָס דער וואַרשעווער קאָנסיל האָט אונטערגענומען און דורכגעפירט. סיבות זענען געווען פאַרשידענע, אָבער די סאַמע כאַראַקטעריסטישע זענען צוויי: א) פּערזענלעכע קנאה. די פירערס פון אייניקע אָרגאַניזאַציעס האָבן, צוליב פּערזענלעכע, קליינלעכע חשבונות, נישט געוואָלט מיטאַרבעטן מיט דעם אָדער יענעם יחיד וואָס שטייט אין דער פירערשאַפט פון דעם קאָנסיל; ב) דער עלעמענט פון „וישמן ישורון"; דאָס נישט וועלן צולאָזן יענעמס צרות צום אייגענעם האַרץ, וואָס איז פאַרגאָסן מיט פעטס... כאָטש די שטרעבונג און דער הייסער באַגער פון די גרינדערס און אָנפירערס פון דעם קאָנסיל זענען געווען צו דערגרייכן און אַרײַננעמען אַלע וואַרשעווער אָרגאַניזאַציעס, וואָס עס אָבער נישט געשטערט אָנצוצייכענען אַ ברייטע פּראָגראַם פון באַלדיקע און ווייטערדיקע אויפגאַבעס, וואָס זענען אין דער גרעסטער מאָס דורכגעפירט געוואָרן מיט אימפּעט און מיט גרויס אחריות.

כדי צו געבן אַ באַגריף פון די אָנגעצייכנטע אויפגאַבעס אויף דעם ערשטן צוזאַמענפאָר, איז וויכטיק אָנצוווײַזן אויף די הויפּטשטריכן פון דער פּראָגראַם וואָס איז דאָרט אָנגענומען געוואָרן און וואָס קאָן, אין קורצן, פאָרמולירט ווערן אין די ווײַטערדיקע פּונקטן:

ערשטנס — אַז מיר, אַמעריקאַנער ייִדן וואָס שטאַמען פון וואַרשע, זאָלן קומען נענטער איינער צום צווייטן, אָן אונטערשיד פון גרופּירונגען און שאַטירונגען צו טאָן באַלד עטוואָס פּראַקטישעס פאַר אונדזערע ברידער אין וואַרשע, פּראַגע און די אַרומיקע פאָרשטעט, ווי פּאָוואָנזעק, פּעלצעוויזנע א"א, — און פאַראייניקטערהייט צוגרייטן אַ פּלאַן וועגן דעם, וואָס מיר דאַרפן טאָן אויף מאָרגן — נאָך דער מלחמה. דער עיקר אָבער — אָנצושטרענגען זיך און אײַנשפּאַנען אַלע אונדזערע כוחות אויף צו טאָן באַלד דאָס וואָס מען קאָן טאָן הײַנט. פאַר דעם צוועק וועלן מיר זיך פאַרבינדן מיטן „דזשאָינט", „אָרט", „ייִדישן וועלטקאָנגרעס" — ד"ר מיט אַלע וואָס קאָנען צולייגן אַ האַנט פון הילף אויף פאַרשידענע אופנים און גלײַכצײַטיק אונדז פאַרלײַכטערן דאָס אָנקניפּן פאַרבינדונגען כדי מיר זאָלן דערטראָגן צו די וואַרשעווער, ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען, אונדזער באַשיידענע הילף.

צווייטנס, — העלפן גלײַכצײַטיק, דורך אונדזער אָרגאַניזאַציע, די אַמעריקאַנער ייִדישע אינסטיטוציעס וועלכע טראָגן אויף זיך דעם נאָמען וואַרשע.

דריטנס, — צו זײַן אויף דער וואַך און זאָגן אונדזער וואָרט וועגן פּראַגעס וואָס האָבן צו טאָן מיט דער שטאָט וואַרשע. אויב מעגלעך, זאָלן מיר זען שאַפן פאָנדן, כדי אויפצוזאַמלען די ייִדישע קינדער־יתומים וואָס וואַנדערן אַרום איבער די פעלדער פון פּוילן און זענען געצוווּנגען צו פירן אַ לעבן פון מאַראַנען.

פערטנס, — צו שטאַרקן די וואַרשעווער עקסיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס דורך שאַפן אַ קולטור־ביוראָ.

נאָך איין וויכטיקער פּונקט איז אָנגעצייכנט געוואָרן — צו זען אויסגעפינען אין פאַרשידענע לענדער די וואַרשעווער ייִדן וואָס זענען צוליב דער מלחמה און דעם נאַצישן טעראָר געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן אָדער זענען פאַרטריבן געוואָרן און זיי וואַנלען אַרום אין פאַרשידענע טיילן פון דער וועלט כדי צו קומען זיי צו הילף. די וויכטיקסטע אויפגאַבע אין שײַכות צו אָט די נעונדניקעס איז געווען אויסצוגעפינען זייערע אַדרעסן און זען אויפצוזוכן זייערע קרובים אין אַמעריקע, מיט דעם צוועק צו העלפן איינשטעלן פאַרבינדונגען צווישן זיי.

„אונדזער זשורנאַל"

אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּלאַן פון פאַרצווײַגטע טעטיקייטן האָט דער וואַרשעווער קאָנסיל אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ פּעריאָדישע שריפט „אונדזער זשורנאַל", פון וועלכן ס'זענען אין לויף פון אַן ערך דרײַ און האַלב יאָר — פון אַפּריל 1944 ביז סעפּטעמבער 1947, — דערשינען 12 נומערן. יעדער איינציקער נומער פון „אונדזער זשורנאַל" איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צו אַ באַשטימטער געלעגנהייט. אַזוי, למשל, איז דער ערשטער נומער (אַפּריל 1944) דערשינען צו דער געלעגנהייט פון דער צווייטער יערלעכער קאָנווענשאָן פון דעם אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער ייִדן; דער צווייטער נומער, דאַטירט 16טער סעפּטעמבער 1944, איז אַרויס לכּבוד ראש השנה תש"ה; דער דריטער נומער, וואָס טראָגט די דאַטע 11טער דעצעמבער 1944, איז דערשינען צו דער געלעגנהייט פון חנוכה; דער פערטער נומער, אַפּריל 1945, איז אַרויס לכּבוד פּסח. ס'איז אין אים אָפּגעדרוקט אַ קרעפּטיקער לייט־אַרטיקל געווידמעט דעם צווייטן יאָרטאָג פון דעם העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

„אונדזער זשורנאַל" איז אָנגעפּיקעוועט מיט לייען־מאַטעריאַל וואָס איז דורך און דורך געווידמעט וואַרשע. דער מאַטעריאַל באַשטייט פון אַרטיקלען, באַריכטן פון פאַרזאַמלונגען, צוזאַמענפאָרן און פון אָפּגעטאָענער אַרבעט, רעזאָלוציעס און באַשלוסן. עס זענען אויך געדרוקט בעלעטריסטישע זאַכן, וואָס שליסן אײַן זכרונות פון דער אַמאָליקער וואַרשע, שילדערונגען פון גאַסן, לעבן־שטײַגער און טיפּן; קורצע נאָוועלעס און לידער, דאָקומענטן, אויפרופן, ווענדונגען, רשימות, אַנאָנסן וכדומה. אין איינעם שטעלט ער מיט זיך פאָר אַ סכום פון ווערטפולן מאַטעריאַל, וואָס שפּיגלט אָפּ די ברויזנדיקע יאָרן פון דעם הויכפּונקט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַ הויכפּונקט וואָס האָט אָנגעדײַט אויף דעם אָנהייב פון דער ירידה און פון דער מפּלה פון היטלעריזם. מיט באַזונדער־

חשיבות ווערט אַרויסגעהויבן די עפּאָפּעע פון דעם העראָיִזם אין דעם וואַרשעווער געטאָ. אין די אַרטיקלען און פאַרצייכענונגען שפּירט זיך דער אָפּקלאַנג און נאָכקלאַנג פון יענער צײַט.

אין דעם פּרט קאָן „אונדזער זשורנאַל" באַצײַכנט ווערן ווי אַ פּנקס־קטן געווידמעט וואַרשע, און איז אַ באַשיידענער אָבער אַ ווערטפולער צושטײַער צו דער געשיכטע פון וואַרשע — דער עיקר פון דער יידישער וואַרשע.

„אונדזער זשורנאַל" איז, דעריבער, געווען אַ זייער וויכטיקער אויפטו, וואָס האָט בשעתו געדינט דעם טאָפּלטן צוועק — וועקן, אָרגאַניזירן און מאָביליזירן אַלע מעגלעכע כוחות פאַר דעם צוועק פון שאַפן דרינגענדיקע, באַלדיקע הילף און זי תיכף אַריבערשיקן, און גלײַכצײַטיק צו דינען ווי אַ קאָנטאַקטפּונקט אויף אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען צווישן די וואַרשעווער יידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און די וואַרשעווער שארית־הפליטה, וואָס איז געוואָרן צעזייט און צעשפּרייט אין פאַרשידענע לענדער, און אויך העלפן איינצלנע וואַרשעווער אין די מלחמה־לענדער און אין נאַציִשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן צו געפינען זייערע קרובים אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

פאַרוואַלטונג פון אמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער יידן (ניו־יאָרק)



עס זיצן פון רעכטס צו לינקס: אהרון שעק, אל. ווײַן (סעקרעטאַר), קלמן פרידמאַן (גענעראַל־סעקרעטאַר), יצחק ליפּינסקי (פּרעזידענט), אַבע עסטערזאָן. — עס שטייען פון רעכטס צו לינקס: היימאַן סילווער, פּאָל קאַרעל, סעם טוכמאַן, ראַלף סילווער, דוויד נייבערג און דזשעק זאַלטץ.

דער פאַרנעם און באַדייט פון דער הילף פון דעם וואַרשעווער קאָנסיל

מיר וועלן ווײַטער זיך באַזונדער אָפּשטעלן אויף די רשימות מיט טויזנטער נעמען פון פאַריאָגטע און אַנטלאָפענע יידן פון וואַרשע, וואָס זענען געווען געדרוקט אין „אונדזער זשורנאַל", ווי אויף די הונדערטער דאַנק־ און לויב־בריוו פון יחידים, וואָס האָבן דערהאַלטן אונדזער הילף. מיר ווילן צו ערשט פאַרצייכענען די הויפּטמאָמענטן אין פאַרבינדונג מיט אונדזער הילף צו אונדזערע וואַרשעווער שוועסטער און ברידער — הנרדפים והנדחים.

גלײַך נאָך דער באַפרײַונג פון וואַרשע איז דער „אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער יידן" געווען די ערשטע אָרגאַניזאַציע צו שיקן שפּײַז און קליידער קיין וואַרשע צו דעם יידישן צענטראַל־קאָמיטעט. דורך דעם „דזשוינט" האָט דער קאָנסיל געקויפט אין שוועדן פאַר צען טויזנט דאָלער שפּײַז און קליידער, וואָס זענען דעם 13טן מאַרץ 1945 אָפּגעשיקט געוואָרן מיט אַ שיף פון שטאָקהאָלם קיין וואַרשע. ווען דער קאָנסיל האָט דערהאַלטן אַן אָפיציעלע באַשטעטיקונג פון ד"ר עמיל זאָמערשטיין אַז דער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען, האָט ער אַרויסגערופן פרייד און דערמוטיקט צו פאַרגרעסערטער און פאַרשטאַרקטער הילפאַרבעט.

דער קאָנסיל האָט אויך באַלד אײַנגעצאָלט דעם „דזשוינט" 15 טויזנט דאָלער פאַרן צוועק פון העלפן אָנהייבן בויען אין וואַרשע אַ שפּיטאָל און אַ קינדערהיים אויפן נאָמען פון דעם פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט פראַנקלין דעלאַנאָ רוזוועלט. דער פרויען־אָפּטייל, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט בײַם קאָנסיל, האָט אויך געשיקט דורך דעם יידישן וועלטקאָנגרעס עטלעכע הונדערט פּעקלעך חנוכה־מתנות פאַר די יידישע קינדער אין וואַרשע. באַלד נאָך דעם האָט דער קאָנסיל גענומען אויף זיך צו העלפן אײַנשטעלן אין וואַרשע אַ צאָל קאָאָפּעראַטיווע יידישע וועקשטאַטן פון שוסטערס, שנײַדערס, בערשטערס און אַנדערע פאַכן, צו העלפן די קיין וואַרשע צוריקגעקומענע יידן זיך נעמען צו מלאכה און אָנהייבן זיך אײַנאָרדענען.

די סאַמע פאַרבינדונגען מיט וואַרשעווער יִדן האָט דער קאָנסיל אָנגעקניפּט אין 1944 מיט דעם „קאָמיטעט פון פּוילישע יִדן", — אונטער דעם פאָרזיץ פון ד"ר זאָמערשטיין, — וואָס האָט זיך געפונען אין לובלין. אַזוי שנעל ווי עס איז אָנגעקומען אַן ענטפער אויף דער ערשטער ווענדונג פון דעם קאָנסיל, האָט דער קאָנסיל אַריבערגעשיקט די ערשטע טויזנט פּעקלעך שפּייַז און צוויי טויזנט דאָלער געלט. דער קאַבלעגראַפישער ענטפער פון דעם קאָמיטעט פון די יִדן אין פּוילן האָט זיך געלייענט: אײַער מעסעדזש האָט אַרויסגערופן פרייד צווישן פּוילישע יִדן אין רוסלאַנד. שיקט די הילף צום „פּוילישן קאָמיטעט פאַר נאַציאָנאַלער באַפרייַונג" און צום „קאָמיטעט פון פּוילישע פּאַטריאָטן". אונטערגעשריבן זענען געווען: ד"ר זאָמערשטיין, אידאַ קאַמינסקאַ און דער סעקרעטאַר יאַסקעוויטש.

אָבער נאָך פריִער — אין די יאָרן 1943 און 1944, ווען די מלחמה האָט נאָך געפלאַקערט איבער אַ סך לענדער פון אייראָפּע און ס'איז געווען אוממעגלעך צוצוקומען מיט הילף קיין וואַרשע — האָט חער וואַרשעווער קאָנסיל אויף זיך גענומען אַן אויפגאַבע צו באַזאָרגן מיט שפּייַז און קליידער די טויזנטער וואַרשעווער יִדן וואָס זענען געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. טויזנטער פּעקלעך האָט דער קאָנסיל אַריבערגעשיקט צו די וואַרשעווער לאַנדסלייַט דורך דעם „דזשוינט", דורך דעם „פאַרבאַנד פון רוסישע יִדן" וואָס האָט צו יענער צייַט פונקציאָנירט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און דורך דעם אַמעריקאַנער יִדישן קאָנגרעס. אַ פּעקל שפּייַז וואָס האָט אין יענער צייַט דערגרייכט צו אַ פאַרוואָגלטן וואַרשעווער יִדן אין דעם ווייַטן אַזיאַטישן טייל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט געהאַט אַן אוממעסלעכע באַדייַטונג. ס'איז געווען ניט נאָר די מאַטעריעלע הילף וואָס די שפּייַז אָדער דאָס פּעקל קליידער האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט, נאָר ס'האָט דער עיקר באַטייַט אַ ברודערלעכער גרוס פון אַ נאָענטן, פון אַן אמתן כאָטש פערזענלעך אומבאַקאַנטן, לאַנדסמאַן און פרייַנד פון אַמעריקע.

און אַזוי האָט די הילף זיך צעוואַקסן און אויסגעשפּרייט צו וואַרשעווער יִדן וואָס האָבן געוואָגלט אין שוועדן, איטאַליע, פראַנקרייַך און אין פאַרשידענע לאַגערן אין די באַזונדערע טיילן פון דייַטשלאַנד און עסטרייַך.

רשימות מיט נעמען פון וואַרשעווער יידן אין פאַרשידענע לענדער.

דער ערשטער גרוס פון לעבעדיקע וואַרשעווער יִדן איז געקומען אין יולי 1944, דורך דער יִדישער טעלעגראַפן־אַגענטור, אין דער פאָרעם פון אַ צעטל מיט אַן ערך טויזנט נעמען פון פּוילישע יִדן וואָס האָבן זיך געפונען אין לובלין. אין אָט דער רשימה זענען געווען הונדערט מיט זיבעצן נעמען פון יִדן וועלכע האָבן זיך אָנגעגעבן אַלס וואַרשעווער, און האָבן געזוכט זייערע קרובים אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אַנדערע לאַנגע צעטלען מיט נעמען האָבן אָנגעהויבן שטראָמען צום קאָנסיל שפּעטער, איבער הויפּט באַלד נאָך דעם ווי וואַרשע איז באַפרייַט געוואָרן. די ערשטע רשימה דירעקט פון וואַרשע איז געקומען אָנהייב 1946, אין אַ לופטפּאָסט־בריוו אַדרעסירט צום „אַמעריקאַנער קאָנסיל פון וואַרשעווער יִדן". דאָס איז געווען אַ צעטל פון נאָר וואָס צוריקגעקומענע קיין וואַרשע פון לאַגערן אין דייַטשלאַנד, מיט אַן אַפּעל אַז מ'זאָל זען געפינען זייערע קרובים אין אַמעריקע. די נעמען פון די קרובים זענען אָנגעגעבן געוואָרן, נאָר 90 פּראָצענט האָבן ניט אָנגעגעבן קיין אַדרעסן. דער קאָנסיל האָט זיך גענומען פלייַסיק און מיט דער פולסטער אחריות צו דער אַרבעט פון העלפן געפינען די קרובים. אַ סך האָט זיך אייַנגעגעבן.

דערנאָך זענען אָנגעקומען רשימות מיט פיל הונדערטער — צוזאַמען אַ פּאָר טויזנט — נעמען פון וואַרשעווער יִדן אין שוועדן, אין לאַנדסבערג (דייַטשלאַנד), אין נייַ־פרימאַן, בייַ מינכען; אין סעדאַן־קאַסערן (דייַטשלאַנד); אין שטייַערן און לינץ־בינדערמיכל (עסטרייַך); אין פּאַלעסטינע, אין איטאַליע, אין בייַערן און אין לאָדזש און אין די ווייַטערדיקע שטעט פון נידערשלעזיע — ביעלאָוואַ, פּיעטראָליעשע, ריכבאַך, שטשעטשין און ווראָצלאַוו.

אַחוץ די רשימות מיט הונדערטער נעמען פון וואַרשעווער, וועלכע האָבן געבעטן זיי העלפן אָנצוקניפּן פאַרבינדונגען מיט קרובים אין די פאַראייניקטע שטאַטן, זענען אָנגעקומען אַ סך אינדיווידועלע בריוו, אַדרעסירט דירעקט צום אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער יִדן אין ניו־יאָרק. אין יענע ברויזנדיקע עטלעכע יאָר פון מלחמה איז דער קאָנסיל געוואָרן דער אוניווערסאַלער אַדרעס פאַר יעדן וואַרשעווער יִדן, אין וועלכן וועלטטייל ער זאָל זיך נישט האָבן געפונען. אַהער האָבן געשטראָמט בריוו פון וואַרשעווער אין שוועדן, איטאַליע, פראַנקרייַך; פון קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין דייַטשלאַנד און עסטרייַך, און פון וואַרשעווער וואָס זענען אַריבערגעוואָרפן געוואָרן קיין מעקסיקאָ, קובאַ און אַנדערע לאַטייַן־אַמעריקאַנער לענדער.

אין דעצעמבער 1945 האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּוילישע יִדן אין וואַרשע צוגעשיקט צום אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער יִדן אַ בריוו אונטערגעשריבן פון מ. ביטער, וויצע־פאָרזיצער און פּ. זעליצקי סעקרעטאַר, אין וועלכן עס ווערט אים אויסגעדריקט אַ דאַנק פאַר דעם „פאַראינטערעסירן זיך מיט דעם גורל פון די איבערגעבליבענע יִדן אין וואַרשע". אין יענעם בריוו דערקלערט ווייַטער דער קאָמיטעט: „אונדזער אָפּטיילונג פאַר אויפזוכן קרובים וועט שטיין אין אַן ענגן קאָנטאַקט מיט אייַך. דאָס וועט פאַרגרינגערן אונדזער געמיינזאַמע אַרבעט... מיר דאַנקען אייַך האַרציק פאַר די מלבושים און שפּייַזפּעקלעך וואָס איר שיקט אויף אינדיווידועלע אַדרעסן, ווי אויך פאַר די חנוכה־פּעקלעך."

עס ווערט ווייַטער אויסגעדריקט אַ דאַנק דעם קאָנסיל פאַר דער „איניציאַטיוו פון אויפבויען אַ שפּיטאָל און אַ קינדערהויז אין וואַרשע" און גלייַכצייַטיק ווענדעט זיך דער קאָמיטעט מיט אַ בקשה צו העלפן פאַרגרעסערן דעם קאַפּיטאַל פון דער שוין עקסיסטירנדיקער גמילת־חסדים־קאַסע, וואָס דער קאָמיטעט האָט געהאַט אייַנגעשטעלט.

דער באַגרענעצטער פּלאַץ דערלויבט ניט זיך אויסצושפּרייטן וועגן די אינדיווידועלע בריוו פון הונדערטער וואַרשעווער יִדן — פאַרוואָגלטע, איינזאַמע, דערשלאָגענע, אויסגעהונגערטע אין פרעמדע לענדער, פאַריאָגטע פון דער היים, מערסטנס אַזעלכע וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע נאָענטסטע און ליבסטע אין נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן וואָס עס האָט באַטייַט פאַר אַזאַ איינעם אָדער איינער צו דערהאַלטן אַ פּעקל שפּייַז, אַ מלבוש אָדער מעדיקאַמענטן אין וועלכע מען האָט זיך געניטיקט. דער בריוו פון אַזאַ יחיד צום אַמעריקאַנער קאָנסיל פון וואַרשעווער יִדן האָט ניט נאָר אויסגעדריקט אַ דאַנק פאַר דער מאָמענטאַלער הילף, וואָס האָט אָפט ממש דערהאַלטן בייַם לעבן, נאָר האָט אייַנגעזאַפּט אין זיך די צאַרטסטע געפילן, דורכגעציטערט מיט דעם אָטעם פון בענקשאַפט און זויבערער נשמהדיקייט.

ס'איז דעריבער נישט מעגלעך אין גאַנצן פאַרבייַצוגיין און

נישט פאַרצייַכענען כאָטש איניקע אויסצוגן וואָס אילוסטרירן דעם געמיט־צושטאַנד פון יענע עלנטע:

שרייַבט יאַנינאַ באַגיצקי פון וואַרשע:

„... אין דער אמתן ווייס איך ניט ווי אויסצודריקן אייַך מייַן דאַנקבאַרקייט פאַר די פּעקלעך, אַרויסגעשיקט פון אייַך דעם 31טן אָקטאָבער (1945) צו מיר און צו מייַן שוועסטער... כ'פאַרשטיי בלויז נישט וואָס פאַר אַ גוטער מלאך האָט אייַך אָנגעוויזן אויף אונדז, ווייַל אייַער נאָמען אויפן פּעקל איז אונדז אין גאַנצן אומבאַקאַנט... איך דאַנק פריִער פאַר אַלעם אין נאָמען פון מייַן קליין שוועסטערל און מייַן קוזינע...”

און אָט איז אַן אויסצוג פון אַ בריוו פון שוועדן, פון ישראל קאָרמאַן:

„... איר קאָנט זיך גאָר נישט פאָרשטעלן די פרייד וואָס מיר האָבן געהאַט ווען מיר האָבן דאָס פּאַקעט דערהאַלטן... מיר האָבן שוין אַזוי פיל געליטן, אַזוי לאַנג געוואַרט! איצט זעען מיר אַז מיר זענען נישט איינזאַם... איך דאַנק אייַך הערצלעך פאַר אייַער באַמיִען זיך.”

און ישראל פייַנבערג, פון איטאַליע, שרייַבט צווישן אַנדערס:

„איך דאַנק אייַך זייער פאַר דעם פּעקל עסנוואַרג. מ'האָט אונדז — מיט מייַנע צוויי קינדער — פּשוט דערראַטעוועט. שוין יאָרן ווי מיר האָבן נישט געזען אַ שטיקעל צוקער פאַר די אויגן. פאַר דער קאַווע האָב איך געקראָגן אַ ביסל קאַרטאָפליעס. זאָל אייַך גאָט בענטשן וואָס איר פאַרגעסט נישט אונדז, אומגליקלעכע.”

לויט אָט דעם נוסח איז דער אינהאַלט פון די מערסטע בריוו וואָס האָבן געשטראָמט פון וואַרשעווער, פונאַנדערגעוואָרפענע אין אַ סך לענדער, צו דעם אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער ייִדן.

דער ערשטער ראַדיאָ־בראָדקעסט צו די יידן אין וואַרשע

ס'איז היסטאָריש וויכטיק אַז ס'זאָל אויך פאַרצייכנט ווערן דער פאַקט, אַז באַלד נאָך דער באַפרייַונג פון וואַרשע האָט דער אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער ייִדן געהאַט דעם כבוד צו זייַן די ערשטע ייִדישע אָרגאַניזאַציע פון אַמעריקע, צו שיקן אַ ראַדיאָ־מעסעדזש צו די געראַטעוועטע וואַרשעווער ייִדן. דער מעסעדזש איז אַריבערגעשיקט געוואָרן דורך קורצע ראַדיאָ־כוואַליעס קיין וואַרשע. דער גרוס איז רעקאָרדירט געוואָרן פון דעם ייִדישן שריפטשטעלער ה. ל. שנייַדערמאַן, וועלכער האָט גערעדט אין נאָמען פון דעם פּרעזידענט פון דעם קאָנסיל, מ״ר סעמיועל וואָהל.

אָט איז אַ טייל פון דעם טעקסט פון דעם גרוס וואָס איז אַריבערגעשיקט געוואָרן:

„מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און איַינגעהאַלטענעם אָטעם אַדרעסיר איך אייַך, מייַנע ברידער און שוועסטער אין דער רויִנירטער, באַפרייַטער וואַרשע. איך רעד צו אייַך אין נאָמען פון טויזנטער און טויזנטער וואַרשעווער ייִדן פון אַמעריקע וואָס זענען פאַרבונדן מיט דעם קאָנסיל פאַר וואַרשעווער ייִדן...

„דורך די פינצטערע לאַנגע יאָרן פון דער מערדערלעכער אָקופּאַציע האָבן מיר דאָ מיט פאַרבלוטיקטע הערצער נאָכגעפאָלגט אייַער העלדישן ווידערשטאַנד קעגן די מערדערס. גאַנץ אַמעריקע האָט מיט באַוווּנדערונג געהערט די נייַעס וועגן דעם אויפשטאַנד אין דעם וואַרשעווער געטאָ.

„מיר האָבן ניט געקענט קומען צו אייַער הילף. מיר האָבן נישט געקאָנט דורכברעכן היטלערס פעסטונג. נאָר איצט, ווען די העלדישע רויטע אַרמיי האָט באַפרייַט וואַרשע, קאָנען מיר אויסשטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט פון הילף צו אייַך.

„מיר פאָלגן נאָך מיט איַינגעהאַלטענעם אָטעם יעדן רעפּאָרט וועגן דער ווידעראויפבויאונג פון אַ נייַ פּוילן אויף די פּרינציפּן פון גלייַכהייט און ברידערלעכקייט. איר מעגט זייַן זיכער אַז מיר וועלן אייַך העלפן אין אייַער פאַרזוך צוריק אויפצובויען אייַערע רויִנירטע היימען, פאַבריקן און אינסטיטוציעס... מיר זאָגן אייַך צו אונדזער פולסטע קאָאָפּעראַציע...”

אַ צוזאַמענקום מיט וואַרשעווער לאַנדסלייט פון אַ סך לענדער

אין יענע טעג — ס'איז געווען אין יולי 1945 — האָט דער אַמעריקאַנער קאָנסיל פון וואַרשעווער ייִדן אויסגענוצט די געלעגנהייט פון דער וועלט־קאָנפערענץ פון פּוילישע ייִדן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק, און האָט איַינגעאָרדנט אַ צוזאַמענקום (ריכטיקער: צוויי פייַערלעכע צוזאַמענקומען) מיט וואַרשעווער לאַנדסלייַט וואָס זענען געווען דעלעגאַטן פון פאַרשידענע לענדער אויף יענער קאָנפערענץ.

צווישן די חשובע לאַנדסלייַט פון אויסלאַנד זענען געווען פאָרשטייערס פון אַרגענטינע, בראַזיל, ענגלאַנד, קאַנאַדע, ארץ־ישראל, מעקסיקע, אורוגווייַ, אַחוץ פאַרטרעטערס פון אַ צאָל שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער רעזולטאַט פון אָט דער באַגעגעניש האָט געפירט צו דער אָרגאַניזירונג פון וואַרשעווער צענטראַלע קערפּערשאַפטן אויך אין אַנדערע לענדער, וואָס מיט דער הילף פון דעם אַמעריקאַנער קאָנסיל אי אויסגעברייטערט די הילפס־טעטיקייט בכלל, אי קאָאָרדינירט די הילפסאַקציעס פאַר די ייִדן אין וואַרשע און פאַר וואַרשעווער ייִדן אין אַנדערע מדינות וועלכע האָבן זיך גענייטיקט אין באַלדיקער הילף.

אַ וויכטיקער מאָמענט, וואָס זאָגט עדות אויף דער וואַכזאַמקייט פון דעם וואַרשעווער קאָנסיל און זייַן גרייטקייט צו יעדן מאָמענט אויסצושטרעקן אַ ברידערלעכע האַנט פון הילף, איז געווען דער עפּיזאָד אָסוויגאָ, מעקסיקע, וואָס איז ווערט פאַרצייכנט צו ווערן.

אין די ערשטע טעג פון 1946 זענען אַרום טויזנט ייִדישע פּליטים פון פאַרשידענע נאַציִשע לאַגערן אין אייראָפּע אָנגעקומען קיין אָסוויגאָ, מעקסיקע, אין דעם מעקסיקאַנער פּאָרט אָנטאַריאָ. די פּליטים האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין ערנסטע אימיגראַציע־שטערונגען און אַנדערע שוועריקייטן, וואָס זענען אַ נאַטירלעכע דערשייַנונג אַפילו פאַר עמיגראַנטן וואָס פאָרן אַריבער אין אַ צווייט לאַנד אויף אַ נאָרמאַלן אופן.

אַחוץ דעם וואָס דער וואַרשעווער קאָנסיל האָט קאָאָפּערירט מיט אַלע אַנדערע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן לטובת אַלע פּליטים, וואָס זענען אָנגעקומען צו די ברעגן פון מעקסיקע,

האָט ער זיך באַזונדער פאַראינטערעסירט צי עס זענען דאָ וואַרשעווער יִדן צווישן זיי. צוויי און דרייסיק וואַרשעווער האָט דער קאָנסיל אויפגעזוכט. ער האָט באַלד געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין מעקסיקע, וועלכע האָט מיטגעבראַכט פאַר דער וואַרשעווער גרופּע ניט נאָר ווערטער פון דערמוטיקונג, נאָר אויך מאַטעריעלע הילף — קליידער, געלט און אַנדערע זאַכן, וואָס זיי האָבן אין קעמפּ ניט געקאָנט קריגן. אָט די וואַרשעווער גרופּע איז באַלד געווען די בעסט געקליידעטע און די בעסט־פאַרזאָרגטע אין אָסוויגאָ.

ווען די וואַרשעווער זענען שפּעטער, צו גלײַך מיט די מערסטע אַנדערע, באַפרײַט געוואָרן, האָט דער קאָנסיל ווײַטער זיי געהאָלפן און געטאָן אַלץ וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען אַז זיי זאָלן געפינען אַרבעט און זיך אײַנאָרדענען.

די דעלעגאַציע פון קאָנסיל צו די יידן אין וואַרשע און אַנדערע לענדער

דער הויכפּונקט אין דער נאָבעלער הילפסאַרבעט פון דעם אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער יִדן איז געווען דער באַשלוס אויף זײַן פערטער קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 19טן מײַ 1946, צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין וואַרשע, וואָס זאָל אויך באַזוכן וואַרשעווער לאַנדסלײַט אין אַנדערע טיילן פון אייראָפּע.

אָט דער באַשלוס איז געווען אַן אויסדרוק פון אַ הייסן באַגער צו באַגעגענען זיך מיט די שארית־הפליטה פּנים־אל־פּנים, אויסשטרעקן פּערזענלעך אַ ברידערלעכע האַנט און ברענגען זיי אַ וואָרט פון אויפריכטיקער ברידערלעכקייט און טרייסט, מיט אַ צוזאָג אַז מיר וועלן זיי נישט פאַרלאָזן אין דער קאַטאַסטראָפיש־שווערער שעה. גלייכצײַטיק איז געווען דער ווילן צו זען מיט די אייגענע אויגן דעם אומפאַרגלײַכלעכן חורבן און צו ברענגען אַ גרוס צוריק צו די וואַרשעווער לאַנדסלײַט אין אַמעריקע, ווי צו דער יִדישער עפנטלעכקייט בכלל.

דעם 27טן מײַ איז די דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון סעמיועל וואָהל, פּרעזידענט, קלמן פרידמאַן, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר און ס. דרעוונאָוויטש, פאָרזיצער פון אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט, אָפּגעפלויגן פון ניו־יאָרק קיין אייראָפּע, אויפן וועג קיין וואַרשע. די דעלעגאַציע איז, אגב, געפאָרן אויף אייגענע הוצאות. מר. וואָהל איז גלײַכצײַטיק אויך געווען איינער פון אַ דעלעגאַציע פון דעם „דזשוינט", אויסצופאָרשן די לאַגע פון די יִדן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין דײַטשלאַנד און אין פאַרשידענע אַנדערע טיילן פון אייראָפּע.

די דעלעגאַציע פון דעם אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער יִדן איז זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די יִדן אין פּוילן, וועלכער האָט קאָאָפּערירט אויפן בעסטן אופן כדי צו מאַכן מעגלעך פאַר דער דעלעגאַציע דאָס באַקענען זיך מיט דער אַלגעמיינער לאַגע און מיט די באַלדיקע נויטן פון די יִדן אין וואַרשע, ווי אין פּוילן בכלל, נאָך דעם מוראדיקן חורבן. דער דעלעגאַציע איז צוגעשטעלט געוואָרן יעדע מעגלעכע הילף, זי זאָל קענען באַזוכן שטעט און פּלעצער אין די אַנדערע טיילן פון פּוילן ווּו ס'האָבן זיך געפונען יִדן. זייער ווייניק יִדן איז צו יענער צײַט געווען אין וואַרשע, אין דער שטאָט וואָס האָט פאַר דעם חורבן געברויזט און געקאָכט מיט יִדן און מיט זייערע פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע טעטיקייטן אויף שריט און טריט.

וואַרשע איז געווען איין גרויסער חורבן איבער וועלכן ס'האָט געשוועבט דער גײַסט פון דעם וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ ריזיקן שטח פון אַש, זאַמד, ציגל, שטיינער און כלערליי ברוכוואַרג.

אין איר באַריכט וועגן וואַרשע, וואָס די דעלעגאַציע האָט צוריקגעברענגט קיין אַמעריקע, ווערט דערציילט אַז אויפן צווייטן טאָג נאָך דעם ווי זי איז אָנגעקומען קיין וואַרשע האָבן די 3 שלוחים, אין באַגלייטונג פון די פירערס פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט, פירערס פון דעם וואַרשעווער וואָיעוואָדישן קאָמיטעט, צוזאַמען מיט אַ גרופּע וואַרשעווער יִדן, וואָס זענען נאָר וואָס געהאַט געקומען פון רוסלאַנד, באַזוכט דאָס יִדישע געטאָ. קודם כל איז די דעלעגאַציע אַוועק צום מאָנומענט וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין אָנדענק פון די קדושים און העלדישע קעמפערס פון געטאָ, און האָט דאָרט אַוועקגעלייגט אַ קראַנץ בלומען, אין נאָמען פון די וואַרשעווער לאַנדסלײַט אין אַמעריקע.

אָט זענען בלויז איניקע אויסצוגן, וואָס באַציִען זיך אויף דעם געטאָ, פון דעם גרויסן באַריכט וואָס די דעלעגאַציע האָט צוריקגעברענגט:

> „...ס'איז שווער איבערצוגעבן די געפילן פון אונדז דרײַ אין יענעם הייליקן מאָמענט. מיר האָבן געזאָלט רעדן עטלעכע ווערטער בײַ דער דאָזיקער געלעגנהייט, אָבער... אַז איר שטייט דאָרט און זעט מיט אײַערע אייגענע אויגן וואָס ס'איז געבליבן פון דעם יִדישן געגנט אין וואַרשע, בלײַבט איר אָן לשון. איר קאָנט אַ צײַט לאַנג ניט רעדן.
>
> „מיר האָבן קיין רעדעס ניט געהאַלטן דאָ. מיר זענען אָבער אַלע אַרײַן אין דעם טויער פון דער געוועזענער קאַזאַרמע. דאָרט איז, אין דער צײַט פון געטאָ, געווען די יִדישע געמיינדע. און דאָרט, אין יענעם הויף זענען טויזנטער יִדן פאַרברענט געוואָרן, נאָך דעם ווי זיי זענען דערשטיקט געוואָרן פון כלאָראָפאָרם, אין אַ שטיבל וואָס געפינט זיך נאָך אויף יענעם הויף.
>
> „איר גייט דאָרט אַרום אויף גאַנצע בערג אַש און פאַרברענטע ביינער פון יִדישע קדושים. איר געפינט דאָרט צווישן אַש — פאַרברענטע ספרים, נאָטיצביכלעך, שליסלען פון הײַזער און פון קאַסעס... זאַכן וואָס יִדן האָבן מיט זיך געהאַלטן און געהאָפט אַז זיי וועלן נאָך אַ מאָל צוריקקערן זיך צו זייערע הײַזער און שטיבן... איר געפינט דאָרט פאַרברענטע קליידער און שיך פון מענער, פרויען און קינדער. עס באַפאַלט אײַך אַ שרעק און אַ ציטער ווען איר זעט דאָס אַלץ. איר זעט אונטערערדישע בונקערס, ווּו יִדן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן... מיר האָבן פריִער אַ סך געהערט און געלייענט וועגן אָט דעם חורבן... נאָר ווען איר זעט עס מיט אײַערע אויגן, ווערט איר צעמישט און דאָס האַרץ ווערט פאַרקלעמט".

די דעלעגאַציע האָט באַזוכט די קינדערהיים אין אָטוואָצק און דאָס קינדער־סאַנאַטאָריום, דערנאָך איז זי געפאָרן קיין לאָדזש, ווּו ס'האָט, אגב, פונקציאָנירט אַ קאָמיטעט פון וואַרשעווער לאַנדסלײַט. עטלעכע טויזנט וואַרשעווער יִדן האָבן זיך געפונען אין לאָדזש און די דעלעגאַציע האָט געקראָגן אַ האַרציקע אויפנאַמע. גרויסע מאַסן יִדן זענען געקומען זען און הערן די דעלעגאַטן. דער ליטעראַטן־פאַראיין האָט אײַנגעאָרדנט אַ באַזונדערן אָוונט פאַר דער דעלעגאַציע און עס זענען געקומען די אָנגעזעענסטע

יִדישע שרײַבערס און דיכטערס. דער אָוונט איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם היסטאָריקער און רעדאַקטאָר פון „דאָס נײַע לעבן", בער מאַרק.

פון לאָדזש איז די דעלעגאַציע געפאָרן אין נידערשלעזיע און האָט באַזוכט ווראָצלאַוו, ריכבאַך ביעלאָווא און פּיעטרוליעשע; האָט זיך באַקאַנט מיט אַלע וויכטיקע אינסטיטוציעס, ווי בכלל מיט דעם באַנײַטן לעבן פון די יִדן אין אָט דעם נײַעם טייל פון פּוילן. די דעלעגאַציע האָט דורך דער צײַט אָפּגעהאַלטן זיצונגען און באַראַטונגען מיט אָרטיקע יִדישע טוערס און זיך אינפאָרמירט וועגן די באַלדיקע נויטן און פּראָבלעמען פון דעם נײַ־פאָרמירטן יִדישן יִשוב.

די דעלעגאַציע איז אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד און אויסערגעוויינלעכער פרײַנדשאַפט.

צוריקפאָרנדיק פון פּוילן האָט די דעלעגאַציע באַזוכט שוועדן, וווּ זי האָט פאַרבראַכט צוויי טעג, און איז פון דאָרט געפאָרן קיין פראַנקרײַך. אין שוועדן ווי אין פראַנקרײַך האָט די דעלעגאַציע זיך געזען מיט וואַרשעווער פּליטים, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין הילף. אין פראַנקרײַך האָט די דעלעגאַציע אויך באַזוכט די קינדערהיים אויפן נאָמען פון דעם אַמעריקאַנער פאַרשטאָרבענעם פּרעזידענט פראַנקלין רוזוועלט. די היים, וואָס געפינט זיך אין לאַ וואָרען, לעבן פּאַריז, איז געקויפט געוואָרן מיט דעם געלט וואָס דער פרויען־אָפּטייל בײַם אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער יִדן האָט געשאַפן.

דער פרויען־אָפּטייל איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויף דער איניציאַטיוו פון מערי פרידמאַן, סילוויע פינקענטאַל, אסתר הוישאַרפט, חוה ווײַן, אַדעלע פרידמאַן, ס. ראַבינאָוויטש, רחל שנעק, רחל פעדערמאַן, א. שלאַמאָוויטש.

די דעלעגאַציע האָט אין לויף פון איר באַזוך איבערגעגעבן די ווײַטערדיקע סומעס געלט:

15 מיליאָן, 185 טויזנט זלאָטעס פאַר די וואַרשעווער יִדן אין פּוילן; צוויי און אַ האַלבן מיליאָן פראַנק פאַר די וואַרשעווער אין פראַנקרײַך און צוויי טויזנט 500 דאָלער פאַר די וואַרשעווער פּליטים אין שוועדן. גלײַכצײַטיק האָט זי צוגעזאָגט אַז דער וואַרשעווער קאָנסיל וועט ווײַטער פאָרזעצן צו שאַפן און אַריבערשיקן הילף אַזוי לאַנג ווי ס'וועט נויטיק זײַן.

צו יענער צײַט זענען געווען אָרגאַניזירט קאָמיטעטן פון וואַרשעווער לאַנדסלײַט אין וואַרשע, לאָדזש, ווראָצלאַוו, ריכבאַך, שטשעטשין; אין איטאַליע, אין פראַנקרײַך, אין די לאַגערן אין דײַטשלאַנד און אין ארץ־ישראל. דער אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער יִדן איז מיט זיי אַלע געשטאַנען אין פאַרבינדונג און האָט פאָרגעזעצט צו העלפן די וואַרשעווער אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער.

דער באַריכט וואָס די דעלעגאַציע האָט צוריקגעבראַכט האָט אַרײַנגעגאָסן אַ שטראָם פון פרישן אימפּעט אין דער הילפסאַרבעט, ווי אין די אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן פון דעם קאָנסיל, וועלכער פאַרנעמט אַ חשוב אָרט אין דעם יִדישן לעבן בכלל, און איז באַזונדער אײַנפלוסרײַך אין דער אַרבעט פון דער אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון פּוילישע יִדן.

אָנדענק פון וואַרשעווער געטאָ ווערט הייליק אָפּגעהיט

וואָס ווײַטער מיר רוקן זיך אָפּ אין פּרט פון צײַט־שטח פון דער היטלער־תקופה און דער שוידערלעכסטער יִדישער קאַטאַסטראָפע, אַלץ בולטער אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז דער העלדישער אויפשטאַנד פון דער שארית־הפליטה אין דעם וואַרשעווער געטאָ; אַלץ העלער שײַנט פאַר אונדז אויף די עפּאָפּעע פון דעם העראָיִזם און מאַרטיראָלאָגיע, וואָס דאָס געטאָ האָט אַרײַנגעשריבן מיט בלוט און פײַער אין אונדזער דורותדיקער געשיכטע און אַלץ טיפער ברענט זי זיך אַרײַן ווי אַ גלאָררײַכע טראַדיציע אין דעם ווײַטערדיקן לעבן פון דעם יִדישן פאָלק, אַ טראַדיציע וואָס וועט געטראָגן ווערן מיט פײַן און ווערדע פון דור צו דור.

דער 19טער אַפּריל 1943 איז גלײַכצײַטיק אַ דערמאָנונג פון דער אומשטערבלעכער צוואה וואָס די העלדישע מאַרטירערס פון דעם וואַרשעווער געטאָ האָבן איבערגעלאָזט פאַר דעם יִדישן פאָלק; „נישט פאַרגעסן און נישט פאַרגעבן!"

דער אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער יִדן איז געווען די ערשטע אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט אין דעם יִדישן לעבן וואָס האָט אײַנגעאָרדנט אין ניו־יאָרק אַ גרויסע פאָלקס־הזכרה, אין אָנדענק פון דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס ווערט הייליק אָפּגעהיט יעדעס יאָר. אָט־די אײַנפירונג האָט באַווירקט אויך אַנדערע גרופּעס און אָרגאַניזאַציעס אין דעם יִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ניו־יאָרק און אין אַנדערע שטעט איבער די פאַראייניקטע שטאַטן אײַנצואָרדענען געטאָ־פאַרזאַמלונגען אַרום דער דאַטע פון דעם 19טן אַפּריל.

אומפאַרגעסלעך איז דער טיפער רושם וואָס עס האָט געמאַכט די ערשטע פאָלקס־הזכרה דעם 19טן אַפּריל 1944 וואָס דער קאָנסיל האָט דורכגעפירט אין ניו־יאָרק. אײַנגעאָרדנט געוואָרן איז יענער געטאָ־דערמאָנונג אין דער וואַרשעווער שול, וואָס געפינט זיך אויף ריווינגטאָן־סטריט אין ניו־יאָרק. אָט וואָס עס איז וועגן אָט דעם ערשטן געטאָ־יאָרצײַט געווען געשריבן אין „אונדזער זשורנאַל" (סעפּטעמבער 1944):

> „... פון דער וואַרשעווער שול האָט זיך אָנגעהויבן דעם לעצטן 19טן אַפּריל דער גרויסער גאַסנמאַרש צו ערן דעם אָנדענק פון די קדושים פון דעם וואַרשעווער געטאָ. עס איז געווען עטוואָס סימבאָלישס אין דעם וואָס אַלע יִדן פון פאַרשידענע טיילן פון ניו־יאָרק זענען אַראָפּגעקומען אין דער וואַרשעווער שול און זענען אין די צענדליקער טויזנטער געשטאַנען אין דרויסן, מחמת זיי האָבן ניט געקאָנט אַהין אַרײַנקומען. זיי האָבן זיך צוגעהערט צו די רעדנערס, צו די שטימען וואָס געקומען פון דער שול אַרויס מיט דעם שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן די וואָס האָבן נישט געראַטעוועט בײַ צײַטנס אונדזערע שוועסטער און ברידער, און באַזונדערס קעגן די נאַצישע באַרבאַרישע רוצחים."

פון דעמאָלט אָן ווערט יעדעס יאָר, אויף דער איניציאַטיוו פון דעם וואַרשעווער קאָנסיל און פון דער אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון פּוילישע יִדן, אָרגאַניזירט אַ ברייטער פאַראייניקטער קאָמיטעט פון צענדליקער יִדישע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס פאַר דעם אָנדענק פון דעם וואַרשעווער געטאָ. צו דער געלעגנהייט פון דעם צענטן יאָרטאָג (19טן אַפּריל 1953) האָט דער דערמאָנטער קאָמיטעט דורכגעפירט אַן אימפּאָזאַנטע פאָלקס־פאַרזאַמלונג און האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ ווערדיקע שריפטלעכע זאַמלונג (אין יִדיש

און ענגליש) וואָס טראָגט דעם נאָמען „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ”.

ווען די דעלעגאַציע פון דעם קאָנסיל האָט אין 1946 באַזוכט די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ האָט דער דיכטער קלמן פרידמאַן, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער דעלעגאַציע ווי דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם קאָנסיל, דעם זעלבן טאָג (8טן יוני 1946) אָנגעשריבן אַ ליד „מייַן וואַרשע”, וואָס האָט אויסגעדריקט דעם אומענדלעכן, אומבאַגרייַפלעכן טראַגיזם פון דער אומגעבראַכטער, פאַרברענטער און פאַרטיליקטער היימשטאָט, די היים פון אַ פאַרשוווּנדענער יוגנט. אָט דאָס ליד, צו וועלכן דער באַוווּסטער מוזיקער (און וואַרשעווער לאַנדסמאַן), אַדאָלף מאָן, האָט אָנגעשריבן אַ רירנדיקע מעלאָדיע, ווערט — ווי אַן אייַנגעשטעלטע טראַדיציע — געזונגען יעדעס יאָר אויף פאָלקס־הזכרות, אין אָנדענק פון דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

אַ פרווו צו צעברעכן דעם קאָנסיל

איידער מיר טרעטן צו צום לעצטן קאַפיטל פון דער געשיכטע און ווירקונג פון דעם „אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער ייִדן” האַלטן מיר פאַר וויכטיק צו פאַרצייַכענען אַ פיינלעכן עפיזאָד, וואָס איז אַ געשיכטלעכער פאַקט אין די ראַמען פון אונדזער חשובער אָרגאַניזאַציע.

מיר האָבן אויבן דערמאָנט, פאַרבייַגייענדיק, אַז אַ קליינע גרופע (גענוי — פיר) וואַרשעווער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן פון דעם סאַמע אָנהייב פון דער גרינדונג פון אונדזער קאָנסיל זיך אין אים נישט אָנגעשלאָסן און האָבן זיך אַלייַן געשטעלט מחוץ למחנה. אַלע ערנסטע באַמיִונגען וואָס זענען געמאַכט געוואָרן זיי אַריבערצוגעווינען האָבן זיך נישט אייַנגעגעבן. און איינער פון די פירערס פון דעם קאָנסיל, וואָס האָט געמאַכט ערנסטע פאַרזוכן אין דער ריכטונג, איז געווען דער איצט פאַרשטאָרבענער סעמיועל וואָהל, וועלכער איז פון דער סאַמע גרינדונג פון דעם קאָנסיל געווען זייַן פרעזידענט, ביז אין מיטן 1947.

ויהי הַיום — און פלוצלונג, גראָד ערב דעם פינפטן יערלעכן צוזאַמענפאָר פון די וואַרשעווער לאַנדסמאַנשאַפטן וואָס דער קאָנסיל האָט אייַנגעאָרדנט, האָט סעמיועל וואָהל פאַרעפנטלעכט אַ דערקלערונג אַז ער נעמט מער ניט אָן דעם אַמט פון פרעזידענט צוליב פערזענלעכע מאָטיוון.

דעם זעלבן טאָג האָט ער פאַר די פאַרזאַמלטע דעלעגאַטן און געסט אויפן צוזאַמענפאָר זיך אַרויסגעזאָגט אַז מען דאַרף דעם קאָנסיל מער ניט האָבן און האָט פאַרענדיקט מיט אַ ווענדונג צו די דעלעגאַטן, אָנצונעמען אַ באַשלוס אויף דעם צוזאַמענפאָר (מייַ 1947) אויפצולייזן דעם קאָנסיל.

דער צוזאַמענפאָר האָט מיט פאַרדראָס אָפגעוואָרפן אָט די אומגעבעטענע און אומגעריכטע „עצה”, און באַשלאָסן אַז די פראַגע וועגן פאָרזעצן צו שאַפן הילף אָדער נישט זאָל אַריבערגיין צו דער נייַער אַדמיניסטראַציע, וואָס וועט אויף דעם צוזאַמענפאָר דערוויילט ווערן. ווען וואָהל האָט געזען די שטימונג פון די דעלעגאַטן קעגן זייַן רעקאָמענדאַציע, האָט ער געלאָזט וויסן אַז ער איז גרייט ווידער אַ מאָל אָנצונעמען דעם פרעזידענט־אַמט. די כוונה זייַנע איז געווען — ווי זייַן ווייטערדיקע האַנדלונג האָט עס באַשטעטיקט — צו שטערן די אַרבעט פון דעם קאָנסיל פון אינעווייניק.

אויף דער ערשטער זיצונג פון דעם נייַ־געוויילטן קאָמיטעט, דעם 3טן מייַ, איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס אַז דער קאָנסיל זאָל ווייַטער אָנגיין מיט זייַן הילפסאַרבעט. אָבער גלייַכצייַטיק איז קלאָר געוואָרן דעם אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט אַז כוחות „פון דרויסן” זענען שטאַרק פאַראינטערעסירט אַז דער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער ייִדן זאָל צעבראָכן ווערן און ס'איז געפאַלן מער ווי אַ חשד, אַז מיסטער וואָהל האָט געהאַט אַ האַנט אין דער שטילער פאַרשווערונג; אַז ער פירט דאָ אויס אַ געהיימע שליחות. די סיטואַציע האָט דערגרייכט אַ פונקט ווען די טוערס און מיטגלידער פון דעם אַדמיניסטראַטיוון ראַט בייַם קאָנסיל האָבן געזאַמלט אונטערשריפטן אויף אַ פעטיציע וואָס האָט געפאָדערט אַז סעמיועל וואָהל זאָל רעזיגנירן פון זייַן אַמט.

וואָהל האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם אַז עס צירקולירט אַ פעטיציע וואָס איז דער אויסדרוק פון אַ באַוועגונג אים אַרונטערצוזעצן פון זייַן אַמט, האָט ער אויף אַ זיצונג פון דעם אַדמיניסטראַטיוון ראַט, איידער די פראַגע פון דער פעטיציע איז אויפגענומען געוואָרן, דערקלערט אַז ער רעזיגנירט. דערבייַ האָט ער, פאַרשטענדלעך, ווידער אַ מאָל אַרויסגעזאָגט זייַן מיינונג אַז דער וואַרשעווער קאָנסיל זאָל אויפהערן די הילפסאַרבעט און זאָל זיך אויפלייזן.

אָט די פראָפאַגאַנדע וועגן אָפשטעלן הילף, דער עיקר צו דעם ייִדישן ייִשוב אין פוילן, איז אין יענער צייַט (1947—1948) געווען דער קורס פון העצעס מצד דעם רעאַקציאָנערן לאַגער אין דעם היגן ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָס איז דער זעלבער לאַגער וועלכער האָט פונאַנדערגעבלאָזן צווישן די ייִדן אין די מזרח־אייראָפעיִשע לענדער די פראָפאַגאַנדע פון „יציאת־אייראָפע” און ספעציעל „יציאת־פוילן”.

מיסטער וואָהלס מאָטיוון פאַר רעזיגנירן, ווי ער האָט זיי דעם 21טן סעפטעמבער, עטלעכע טעג נאָך זייַן רעזיגנאַציע, דערקלערט אין „אַן אָפענעם בריוו”, זענען געווען אָריענטירט אויף די ווייַטערדיקע 4 פונקטן:

1. אַז ס'איז שוין מער נישטאָ קיין „עמוירדזשענסי” (דרינגענדיגע נויטווענדיקייט) צו העלפן אונדזערע וואַרשעווער לאַנדסלייַט. אויף דעם האָט דער קאָנסיל געענטפערט, אַז ס'קומען נאָך הילפסרופן פון וואַרשעווער ייִדן אין „די־פי”־קעמפס אין פראַנקרייַך; פון וואַרשעווער וועלכע זענען אַריבערגעפאָרן קיין ישראל, און אַז אוודאי נייטיקן זיך אין הילף די קינדער־יתומים, וואָס געפינען זיך אין די קינדערהיימען וואָס מיר האָבן געגרינדעט.

2. וואָס איז שייַך די באַאַמטע פון אונדזער קאָנסיל, האָבן מיר אָנגעוויזן אַז קיין איינער פון זיי קריגט נישט קיין געהאַלט און אַז קיין סענט געלט ווערט פאַר דעם צוועק נישט געזאַמלט און נישט פאַרנוצט.

3. די צייַט פאָדערט פולע אָנשטרענגונג פאַר ישראל — האָט מר. וואָהל אַרגומענטירט. אונדזער ענטפער איז געווען אַז טאַקע דערפאַר שיקן מיר הילף צו אונדזערע וואַרשעווער לאַנדסלייַט וואָס געפינען זיך דאָרטן.

4. אַז די לינקע עלעמענטן פון פראַטערנאַלע צווייַגן, וועלכע זענען אָנגעשלאָסן אין דעם קאָנסיל, זענען נישט אויסן הילפסאַרבעט נאָר פערזענלעכע פאָליטישע צוועקן. אונדזער ענטפער אויף אָט דער משונהדיגער אַרגומענטאַציע איז געווען אַז אין אונדזער געמיינשאַפטלעכער הילפסאַרבעט האָבן מיר קיין מאָל נישט אַרייַנגעבראַכט קיין פראַגעס וועגן רעכטע אָדער לינקע. די אָריענטאַציע

איז — שאַפן הילף פאַר וואַרשעווער יִדן, כל־זמן זיי נייטיקן זיך דערין.

מיט צופרידנקייט דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז די אַלע מאַנעוורעם פון אינעווייניק און העצער און בלבולים פון דרויסן, וואָס זענען געווען געריכטעט קעגן אונדז, האָבן דעם אַמעריקאַנער קאָנסיל פון וואַרשעווער יִדן נישט אומגעבראַכט און זייַן ראָלע אין דעם אַמעריקאַנער יִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן נישט אָפגעשוואַכט.

ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז ענדערונגען וואָס די צייַט האָט אַרייַנגעבראַכט אין דעם לעבן פון דעם יִדישן יִשוב אין פוילן ווי אין דעם לעבען פון די וואַרשעווער פליטים אין אַלע אַנדערע לענדער, אייַנשליסנדיק יענעם טייל וואָס איז געקומען קיין ישראל זיך דאָרט צו באַזעצן ,האָבן אויך נאַטירלעכערווייַז געבראַכט ענדערונגען אין די טעטיקייטן פון קאָנסיל. אויף וויפיל דער יִדישער יִשוב אין פוילן האָט, אין די ראַמען פון דעם אַלגעמיינעם אויפבוי און עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון פוילן גופא, זיך אייַנגעאָרדנט און נאָרמאַליזירט זייַן לעבן, אויף אַזוי פיל איז שטופנווייַז כסדר פאַרקלענערט געוואָרן די באַדערפעניש אין הילף פון דרויסן און אין דער מאָס איז די הילף פון דעם „אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר די וואַרשעווער יִדן” אין פוילן כסדר פאַרשמעלערט געוואָרן, ביז זי האָט זיך אין גאַנצן אָפגעשטעלט. און דאָס זעלבע בנוגע די וואַרשעווער פליטים אין די אַנדערע לענדער, אייַנשליסנדיק פראַנקרייַך. אויך דאָרט האָבן די וואַרשעווער יִדישע פליטים זיך טיילווייַז אייַנגעאָרדנט אויף די ערטער ווו זיי זענען געווען, אָדער זיי זענען אַוועקגעפאָרן, ווער קיין פוילן, ווער קיין קאַנאַדע, קובאַ אָדער ערגעץ אַנדערש, און אַ טייל — קיין ישראל.

דער אַמעריקאַנער קאָנסיל זעצט נאָך פאָר הייַנט (אין מיטן 1954 דאָס שיקן פעקלעך שפייַז און אַנדערע הילף צו די וואַרשעווער פליטים אין ישראל און האָט אויפזיכט איבער אַ קינדערהיים, וואָס ווערט אָנגעפירט פון דער אגודת תרבות לעם אין תל־אביב.

די געזעלשאַפטלעכע ראָלע פון דעם קאָנסיל אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן

אין משך פון די עלף יאָר זינט דער אַמעריקאַנער קאָנסיל פאַר וואַרשעווער יִדן האָט זיך געגרינדעט האָט ער פאַרצייכנט אַ גלאָררייַכן קאַפיטל ווי אַ וואַכזאַמע און אחריותדיקע יִדישע לאַנדסמאַנשאַפט־צענטראַלע, נישט נאָר אַלס הילפסקערפערשאַפט פאַר די יִדן אין וואַרשע און פאַר וואַרשעווער יִדן אין אַנדערע לענדער, נאָר ער האָט אויך אַ סך בייַגעטראָגן, ווי אַ פאָזיטיווער און קאָנסטרוקטיווער כוח, צום אַלגעמיינעם יִדישן לעבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. באַזונדער האָט אין די אַלע יאָרן זיך געפילט אין דעם לעבן און ווירקן פון דער פעדעראַציע פון די פוילישע יִדן אין אַמעריקע דער קאָלעקטיווער כוח און השפעה פון דעם קאָנסיל.

מיט באַזונדערער אחריות און ווערדע האַלט אָן דער קאָנסיל די יאָר־טעג אין אָנדענק פון דעם העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. דורך זייַן ערנסטער און ווערדיקער באַציִונג צו אָט דער הערלעכסטער עפאָפעע פון יִדישן העראָיִזם אין אונדזער דור, וואָס ער דעמאָנסטרירט יאָר איַין, יאָר אויס, בייַם איַינאָרדענען און דורכפירן גרויסע און אימפאָזאַנטע פאָלקס־הזכרות, האָט ער באַווירקט אַ סך גרויסע אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשידענע ריכטונגען אין דעם אַמעריקאַנער יִדישן לעבן, צו אָרגאַניזירן אָנדענק־פאַרזאַמלונגען, געהייליקט דעם וואַרשעווער געטאָ.

אַחוץ די אַלע אויבן דערמאָנטע טעטיקייטן לטובת וואַרשעווער יִדן אין פוילן און אין אַנדערע לענדער, ווי אַ הילפסקערפערשאַפט, און אַחוץ דער וווּנדערלעכער ברידערלעכער קאָאָפעראַציע וואָס ער גיט דער אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון פוילישע יִדן, איז דער קאָנסיל אַ חשובער פראָגרעסיווער כוח אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פון דעם היגן יִדישן יִשוב, און ספעציעל אין דעם יִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ניו־יאָרק — ווי אַ מיטבויער פון דער יִדישער פראָגרעסיווער קולטור און אַ קעמפער קעגן רעאַקציע, אַנטיסעמיטיזם און פאַר שלום און זיכערקייט.

דער פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין ריאָ דע זשאַנײַראָ

דער „פאַרבאַנד" איז אויפגעקומען מיט 25 יאָר צוריק. אָנגעהויבן האָט ער ווי דער „י. ל. פּרץ־פאַראיין" און האָט שפּעטער געביטן דעם נאָמען אויף „פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין ריאָ דע זשאַנײַראָ". במשך פון די 25 יאָר האָבן מיר דורכגעמאַכט אַ גרויסן פּראָגרעס. דער גרויסער שטראָם פּוילישע ייִדן האָט אַרײַנגעבראַכט אַ מזל־ברכה פון שעפערישקייט אויף אַלע געביטן פון ייִדישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן און עס איז נישטאָ קיין צווײַג פון אַלגעמיינער ייִדישער טעטיקייט וווּ פּוילישע ייִדן זאָלן נישט זײַן באַטייליקט אויף אַן אָנגעזעענעם אופן.

דער פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן, וועלכער איז לכתחילה געשאַפן געוואָרן ווי אַ הילפס־אינסטיטוציע פאַר די נײַ אָנגעקומענע אימיגראַנטן, האָט מיט דער צײַט אויסגעברייטערט זײַן טעטיקייט און זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אָנגעזעענעם רעפּרעזענטאַטיוון אָרגאַן פון די פּוילישע ייִדן, וואָס שפּילט אַ באַרייטנדיקע ראָלע אין לעבן פון גאַנצן ייִשוב. אַ דאַנק דער רירעוודיקייט פון זײַן אַקטיוו און פון די לאַנדסמאַנשאַפטן וואָס שטייען מיט אים אין נאָענטן קאָנטאַקט, איז הײַנט צו טאָג נישטאָ אין ריאָ קיין גרעסערע געזעלשאַפטלעכע פאַראייניקונג אָדער אונטערנעמונג, וווּ דער פאַרבאַנד זאָל נישט זײַן פאַרטראָטן.

אַזוי האָט דער פאַרבאַנד אָנטייל גענומען אין אַ רײַ קאָמיטעטן וואָס האָבן געהאַט אַ באַגרענעצטע אויפגאַבע ווי אויפנעמען קולטורגעסט אָדער דורכפירן געלעגנהייטס־אַקציעס און פײַערונגען. אַ סך מאָל איז דער פאַרבאַנד געווען דערבײַ דער איניציאַטאָר און הויפּט־אָרגאַניזאַטאָר. צום בײַשפּיל אין 1946, נאָך דעם גרויסן חורבן פּוילן, האָט דער פאַרבאַנד זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אונטערצונעמען אַ ברייטן הילפסקאַמפּיין פאַר די שארית הפליטה פון פּוילישן ייִדנטום. דער קאַמפּיין איז דעמאָלט דורכגעפירט געוואָרן מיטן גרעסטן דערפאָלג און עס איז איבערגעשיקט געוואָרן הילף פאַר פּוילישע ייִדן אין דער שווייץ און אין די לאַגערן, אין 30 טויזנט דאָלאַר איז געשיקט געוואָרן צו דער „פעדעראַציע פון פּוילישע ייִדן אין אַמעריקע", זי זאָל עס באַזאָרגן קיין פּוילן. דער „פאַרבאַנד" האָט זיך אויך באַשטײַערט מיט 50 טויזנט קרוזייראָס פאַר די פּליטים וואָס האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן אָנצוקומען קיין בראַזיל. אַ חוץ דעם איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קליידער־ און שיך־אַקציע פאַר די פּוילישע ייִדן וואָס האָבן זיך געוואַלגערט איבער גאַנץ אייראָפּע.

אין יאָר 1948 האָבן מיר רעאַליזירט אַ קאַמפּיין פאַרן מאָנומענט לכבוד די העלדן און קדושים פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. דער דאָזיקער קאַמפּיין איז געווען פאַרבונדן מיט דער אויפנאַמע פון דער דעלעגאַציע פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פּוילן, פּראָפ' סאַק און רבקה וואָיסקאָווסקאַ. אַ דאַנק דער ענערגישער אַרבעט פון „פאַרבאַנד" האָט דער קאַמפּיין אַרײַנגעבראַכט די סומע פון הונדערט טויזנט קרוזייראָס.

איינע פון די אַרבעטן פון פאַרבאַנד, וועלכע האָט זיך שוין פאַרוואַנדלט אין אַ טראַדיציע איז די אָרגאַניזירונג פון די פײַערונגען צום יאָרטאָג פון אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. די געטאָ־פײַערונגען, וואָס קומען פאָר יאָר־יערלעך בײַ דער מיטבאַטייליקונג פון אַנדערע ייִדישע פּראָגרעסיווע אינסטיטוציעס, זענען שטענדיק אימפּאָזאַנט און ציִען צו טויזנטער ייִדן פון אַלע קרײַזן, וואָס קומען אָפּגעבן כבוד אונדזערע מאַרטירערס. דורך די פײַערונגען האַלט דער פאַרבאַנד וואַך די פּויליש־ייִדישע טראַדיציעס פון קאַמף און ווידערשטאַנד קעגן די שונאים פון ייִדישן פאָלק און זיי דינען ווי אַן עמוד־האש פאַר דעם אונטערוואַקסנדיקן דור.

דער פאַרבאַנד שטייט אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט די לאַנדסמאַנשאַפטן און ער איז אַקטיוו באַטייליקט אין אַלע זייערע אונטערנעמונגען און אין די יזכור־אָוונטן נאָך זייערע שטעטלעך. דערמיט איז דער פאַרבאַנד געוואָרן דער רעפּרעזענטאַטיווער אָרגאַן פון אַלע פּוילישע ייִדן אין ריאָ דע זשאַנײַראָ.

דער פאַרבאַנד איז אויך פאַרטראָטן אין צענטראַל־ און שטאָטקאָמיטעט פונעם ייִדישן קולטור־פאַרבאַנד „איקוף" און נעמט אָנטייל אין אַלע זײַנע אַקציעס, פײַערונגען און אונטערנעמונגען. ער איז אויך צוזאַמען מיטן „צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין סאַן פּאַולאָ" געווען דער איניציאַטאָר און אָרגאַניזאַטאָר פון ערשטן לאַנד־צוזאַמענפאָר פון פּוילישע ייִדן אין בראַזיל אין 1950, וואָס זײַן הויפּט־אויפגאַבע איז געווען דאָס סטימולירן דעם אינטערעס פון פּוילישן ייִד פאַר אַלע קולטור־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען פון בראַזיליאַנער ייִדישן ייִשוב, און דאָס אינטענסיפיצירן זײַן אָנטייל אין זייער לייזונג. די גרויסע צאָל דעלעגאַטן און דער ענטוזיאַזם וואָס האָט געהערשט אויפן צוזאַמענפאָר זענען געווען דער בעסטער באַווײַז אַז די אידיי פון צוזאַמענפאָר איז געווען רײַף צווישן די פּוילישע ייִדן אין בראַזיל.

אין די ראַמען פון זײַנע מעגלעכקייטן און אין ענגער צוזאַמענאַרבעט מיט די לאַנדסמאַנשאַפטן פירט דער פאַרבאַנד אַ לעבהאַפטע קולטור־אויפקלערערישע אַרבעט דורך רעפעראַטן, קליינקונסט־אָוונטן, ביכער־פאַרקויף און פילמען.

דער פאַרבאַנד האָט ביז איצטער אַרויסגעגעבן 6 בענד „דער פּוילישער ייִד" און אָרגאַניזירט אַ גלענצנדיקע פײַערונג אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 25יאָריקן יובל. דער פאַרבאַנד האָט אויך אַראָפּגעבראַכט קיין ריאָ דעם באַקאַנטן ייִדישן רעזשיסאָר און קולטור־טוער יעקב ראָטבאום און אַדורכגעפירט מיט אים אייניקע רעפעראַטן און רעציטאַציע־אָוונטן. זאָל אויך אויפן קרעדיט פון פאַר־

פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד פון די פוילישע יידן אין ריאָ - דע - זשאַנייראָ

איסר בוימפעלד
פאָרזיצער

אַדאַם ראָזען
וויצע פאָרזיצער

יששכר לעדערמאַן
גענעראַל־סעקרעטאַר

פיניע מאָרגענשטערן
2טער סעקרעטאַר

ל. פאַרבער
וואָקאַל

יוסף טוכמאַן
קאַסיר

ברוך מאַיאָפּקע
2טער קאַסיר

מאיר האָכמאַן
וואָקאַל

מרדכי שניידער
וואָקאַל

הערצקע גאָלדנאַדל
וואָקאַל

יעקב לוסטיק
וואָקאַל

קלמן ראָטענבערג
וואָקאַל

באַנד דערמאָנט ווערן אַז ער האָט פיל געהאָלפן דעם פאַרשטאָרבענעם אַרגענטינער שרײַבער אביגדור שפּריצער. האָט פאַרקויפט זײַנע ביכער און אָרגאַניזירט אַ פאָרלעזונג אין אַ גרויסן סאַלאָן. מיר האָבן אויך געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו האָבן אויף איינער פון די פאַרוואַלטונגס־זיצונגען דעם חשובֿן קולטור־גאַסט, אברהם ביק. דער אָנגעזעענער שרײַבער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אַרבעט פונעם פאַרבאַנד און איבערגעגעבן אַ גרוס פון דער „פעדעראַציע פון לאַנדסמאַנשאַפטן״ אין נאָרד־אַמעריקע. ער האָט רייף געמאַכט בײַ אונדז דעם געדאַנק וועגן רופן אַן אַלאַמעריקאַנער צוזאַמענפאָר. צום באַדויערן האָט ער זיך צוליב פאַרשידענע סיבות דערווײַל נישט אײַנגעגעבן...

טראָץ זײַנע שוואַכע פינאַנציעלע מיטלען טוט דער פאַרבאַנד אַלץ וואָס איז מעגלעך כדי צו העלפן נויט־באַדערפטיקע פוילישע ייִדן אין בראַזיל און אויך אין ישראל. ער האָט דורכגעפירט פאַרשידענע אינטערווענצן לטובֿת פוילישע ייִדן בײַם פוילישן קאָנסולאַט אין ריאָ. געהאָלפן צוויי ייִדישע קינסטלערס מיט אַ גרעסערער סומע און געקויפט זייערע בילדער. אין איצטיקן מאָמענט איז דער פאַרבאַנד פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן אַ קאָאָפּעראַטיווע לײַקאַסע פאַר זײַנע מיטגלידער און די מיטגלידער פון די לאַנדסמאַנשאַפטן. עס זענען שוין געשאַפן געוואָרן די ערשטע אַקציאָנערן פונעם קאָאָפּעראַטיוו. איצטער וועט געדונגען ווערן אַ פּאַסיקער לאָקאַל און עס ווערן צוגעגרייט די געהעריקע סטאַטוטן פאַר דער לײַקאַסע.

דער ערשטער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון די פוילישע ייִדן האָט אַרויסגערופן צום לעבן נײַע שעפערישע כּוחות, וואָס זענען דורכגעדרינגען מיט אַ געפיל פון גרויסער אחריות פאַר דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פון פוילישן ייִד. עס איז געווען די אויפגאַבע פון צענטראַל־קאָמיטעט צו שאַפן אַן אַטמאָספער פון קאָלעקטיווער שעפערישקייט פון פוילישן ייִד און אויסשמידן זײַן איינזיקייט אין בראַזיל אַרום אונדזער אַרבעט. אַז אַ סך איז דערגרייכט געוואָרן אויפן דאָזיקן געביט האָט אונדז באַוויזן דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון די פוילישע ייִדן פון בראַזיל און אַרגענטינע, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט נישט נאָר אַ פאָלקס־מאַניפעסטאַציע פון הויכער מדרגה, נײַערט האָט אויך אַרויסגעבראַכט דעם געזונטן, ערנסטן און אחריותדיקן געפיל פון פוילישן ייִד, אַ געפיל מיט וועלכן ער איז דורכגעדרונגען אינעם איצטיקן מאָמענט. איבער פופציק דעלעגאַטן פון כמעט אַלע ייִדישע ייִשובֿים פון בראַזיל און אויך פון אַרגענטינע האָבן אָנטיילגענומען אין דעם צוזאַמענפאָר.

מיר זענען שטאָלץ געווען מיט אונדזערע אויפטוען און דערגרייכונגען אין משך פון דער צײַט זינט דעם ערשטן צוזאַמענפאָר. איצט האָבן מיר געלייגט די בריק צווישן בראַזיל און אַרגענטינע, און צוזאַמען וועלן מיר סטימולירן און העלפן בויען און שטאַרקן דאָס ייִדישע פּראָגרעסיווע לעבן. דער פאָלקס כּוח פון פוילישן ייִד וועט אַרויסווײַזן זײַן פולע שעפערישקייט.

זאָל דאָ צום סוף געזאָגט ווערן אַז דער געדאַנק אַרויסצוגעבן דעם „פנקס וואַרשע״ אין אַרגענטינע האָט בײַ אונדז אַרויסגערופן אַ גרויסן אינטערעס. אונדזער „פאַרבאַנד״ האָט בײַשטייערט דערויף פינף טויזנט קרוזייראָס און ער וועט זיך באַמיִען צו פאַרשפּרייטן דאָס בוך אין ריִאָ דע זשאַנייראָ.

דאָס איז אַ קורצער באַריכט פון אונדזער טעטיקייט.

פאַרוואַלטונג פון פאַרבאַנד
פון פוילישע ייִדן אין ריִאָ דע זשאַנייראָ.

VII.

נעקראָלאָגן

נאך ווארשעווער יידן אומגעקומענע אין די גרויליארן פון דער נאצישער הערשאפט



מאָנומענט פֿאַר די העלדן פֿון וואַרשעווער געטאָ

אונדזערע משפחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַציִשע רוצחים
כבוד זייער אָנדענק

אָסטראָווער אברהם און פייגע דערמאָנען זייער:

זון: ראובן

ברודער: חיים און פרוי און קינדער

ברודער: משה און פרוי מינדל

שוועסטער: שרה

ברודערן־זון: משה און פרוי רבקה און קינד

שוואָגער: נחום דראמלעוויטש און פרוי פערל און קינדער

אויסלענדער חיים אברהם און פאַמיליע דערמאָנען זייער:

פאָטער: איטשע מאיר אויסלענדער

מוטער: פעסע אויסלענדער

שוועסטער: לאה, חנהלע און קריינדל אויסלענדער

אונטערהענדלער־שוואַרצבערג מאַניע און פאַמיליע
דערמאָנען זייער:

ברודער: שמחה און פרוי פייגע שוואַרצבערג און 7 קינדער
ברודער: שמואל און פרוי פעלע שוואַרצבערג
שוועסטער: אסתר און מאַן וואָלף ערליך און 2 קינדער
שוועסטער: רוזשע און מאַן הערמאַן פינקערט, געווען א מאַקיסט אין פראַנקרייך
שווער: יאַנקעלע אונטערהענדלער, מעטראָנפאַזש פון דער צייַטונג „הייַנט” אין ווארשע
שוואָגער: ברוך אונטערהענדלער און פרוי און קינד
שוואָגער: יוסף און פרוי חנה אונטערהענדלער און קינדער
שוועגערין: שיינדל און מאַן לייבל פלעקער און 2 קינדער

איידעלסבערג יאַנקל און פאַמיליע דערמאָנען זייער:

מוטער: רחל איידעלסבערג

ברודער: ישראל און פרוי שיינע־שרה און קינדער

ברודער: יוסף און פרוי און קינדער

ברודער: משה אהרון

שוועסטער: רייזל און מאַן דוויד גערשט און קינדער

אונדזערע משפּחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַצישע רוצחים
כּבוד זייער אָנדענק

אַלטערלייב ישראל און פאַמיליע
דערמאָנען זייער:

ברודער: אַלטער און פרוי געלע
שוועסטער: שרה גאָלדפיש און קינדער,
שפרינצע קירשטיין און קינדער
שוועגערינס: דבורה וואָליא, רחל קאָנעט
שוואָגער: יאַנקל קאָנעט
פלימעניצעס און פלימעניקעס: פייגע און קינדער,
אריה קידשטיין און מאָטל מיט זייערע פאַמיליעס
שוועסטער קינדער: אברהם און מענדל

בירנבוים פסח, יונה, אברהם און יחיאל בוך און פאַמיליע
דערמאָנען זייער:

פאָטער: מענדל בירנבוים
מוטער: האָדעס פלאָרמאַן—בירנבוים
ברידער: דוויד און בער בירנבוים
שוועסטער: מאַניע בירנבוים



אברהם בירנבוים

פאָטער: שלמה בירנבוים
מוטער: הינדע בוך—בירנבוים
ברודער: דוויד בירנבוים, אַרטיסט פון יידישן טעאַטער אין וואַרשע
שוועסטער: ביילע בירנבוים

בעקערמאַן איטשע לייזער און פרוי חנה רויזע צווערן—בעקערמאַן דערמאָנען זייער:

פאָטער: זינדל צווערן
מוטער: בלימה צווערן
ברודער: משה הערש און פרוי און קינדער צווערן
ברודער: מאיר אַבע שטיינבערג און פרוי און קינדער
ברודער: חיים און מאַטעס בעקערמאַן מיט זייערע פרויען און קינדער
ברודער: שמואל צווערן
ברודער: פישל צווערן
שוועסטער: ראָכמע, נעכע, רחל און שרהלע צווערן מיט זייערע מענער, קינדער און איייניקלעך

בליפעלד עזריאל און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

פאָטער: הערש מאיר בליפעלד

מוטער: לאה בליפעלד

ברידער: אברהם און מאָטל בליפעלד

אונדזערע משפחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַצישע רוצחים
כּבוד זייער אָנדענק



בירנצווייג לעאָן און
מאַניע גרונדמאַן־בירנצווייג

דערמאָנען זייער:

ברודער: הערש וואָלף גרונדמאַן
שוועסטער: אידעס און חיה גרונדמאַן
מומע:רבקה גוטנייער
שוועסטערקינד: ראָכמע זאָנאַבענד
און מרים ראָזען





בירנבוים—ראָטבאַרד חנה און פאַמיליע דערמאָנען זייער:

פאָטער: דוויד ראָטבאַרד   מוטער: מרים ראָטבאַרד
ברודער: לייביש און פרוי פייגעלע ראָטבאַרד
ברודער: הערשל ראָטבאַרד, געפאַלן אין דער רויטער ארמיי
ברודער: משהלע ראָטבאַרד
שוועסטער: טאָבטשע ראָטבאַרד



בלושטיין יוסף און פאַמיליע דערמאָנען זייער:

באָבע: פייגע מרים גוזיק—בלושטיין
פעטער: ישראל גרינגאָלד און פרוי אסתר פערל און קינדער
פעטער: מרדכי גאָלדוואַסער און פרוי פעסעביילע און קינדער
מומע: יענטע בלושטיין און איר מאַן
מומע: גיטל בלושטיין און איר מאַן

בורשטין הערשל און פאַמיליע דערמאָנען זייער:

פאָטער: יוסף בורשטין
מוטערע: שרה בורשטין
ברידער: יאַנקל, דוויד און שמואל בורשטין
שוועסטער: נעמי און איר מאַן און קינדער

אונדזערע משפּחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַציסטע רוצחים

כּבוד זייער אָנדענק



באָצקער—אַפּעלבוים ביילטשע

דערמאָנט איר:

שוועסטער: רעגינע קורצאַנט

שוועסטערקינדער: סעוועק, שלמה, הענרי, רוט קורצאַנט

בערענהאָלץ יאַנקל און פאַמיליע דערמאָנען זייער:

מוטער: אסתר בערענהאָלץ

ברודער: לייבל בערענהאָלץ

שוועסטער: יוכבד און מאַן הערשל פיינקינד און קינדער

שוועסטער: צביה און מאַן שלמה מאקאבוצקי און קינדער

גוטגלאַס מאָטל און פרוי שרה קאַנטאָר—גוטגלאַס

דערמאָנען זייער:

פאָטער: שלמה קאַנטאָר

מוטער: בינע קאַנטאָר

שוועסטער: חווה קאַנטאָר



גאָלדפעלד ברידער בנימין און ישכר און פאַמיליעס דערמאָנען זייער:

פאָטער: ירחמיאל גאָלדפעלד
מוטער: שרה קאראפקא—גאָלדפעלד
ברידער: שמואל, משה, שלמה, זעליק גאָלדפעלד
שוועסטער: פייגעלע
שווגערין: אסתר פאָמעראַניץ—גאָלדפעלד
שווגערין: לאָלאַ באַומבלאַט—גאָלדפעלד
שווגערין: דאָראַ קליאָק—גאָלדפעלד
פלימעניצע: סעלינאַ



אונדזערע משפחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַצישע רוצחים

כּבוד זייער אָנדענק

גאָלדשטיין הערשל און פרוי ראָזאַ װעיבמאַן—גאָלדשטיין

דערמאָנען זייער:

פאָטער: אברהם יוסף גאָלדשטיין
שװער: װאָלף װעיבמאַן
ברודער: אברהם מאיר װעיבמאַן און פרוי און קינדער
ברודער: אביגדור װעיבמאַן און פרוי און קינדער
ברודער: חיים גאָלדשטיין און כלה
שװעסטער: חיה און מאַן משה גאָלדבערג און זייערע קינדער

לזכרון אונדזערע עלטערן, ברידער און שװעסטער מיט זייערע פאַמיליעס, חברים און פריינד, אומגעקומענע אין װאַרשעװער געטאָ.

גאָלדשטיין משה און אסתר און קינדער

גאָלדשטיין ישראל און פרוי שרה װאָלמאַן—גאָלדשטיין

דערמאָנען זייער:

פאָטער: ישראל װאָלמאַן
ברודער: מאָטל װאָלמאַן און פרוי רחל און זייערע קינדער: משהלע, חװהלע, עלקעלע
ברודער: אברהם װאָלמאַן און פרוי מלכה און זייערע קינדער
שװעסטער: חיה און מאַן איטשע בראָנער און זייערע קינדער: פיװעלע, שרהלע, זעלדעלע

אונדזערע משפּחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַציסטע רוצחים
כּבוד זייער אָנדענק



גאָלדבאַנד קאָפּל און פֿאַמיליע דערמאָנען זייער:

מוטער: פריידע גאָלדבאַנד

ברודער: יידל גאָלדבאַנד

פעטער: יצחק גאָלדבאַנד

חברים: אַברהם גאָלדבאַנד, משה שימאַנאָוויטש

גוטריימאַן משה און פֿאַמיליע דערמאָנען זייער:

פאָטער: שמואל אהרון גוטריימאַן

שוועסטער: חנטשע און שוואָגער משה גוטריימאַן און פיר קינדער

שוועסטער: מרים און שוואָגער מאָטל מלעטשאַק און פינף קינדער, זיי אַלע אומגעקומען אין פֿאַריז. דער עלטסטער זון איז דער באַרימטער העלד פון דער רעסיסטאַנס־באַוועגונג אין פראַנקרייַך מאַריאָ־מאָרים מלעטשאַק.



גאָלדבערג פריידע און פֿאַמיליע דערמאָנען זייער:

פאָטער: יואל מלעטשאַק

מוטער: חנה יענטע

שוועסטער: אסתר און מאַן מאיר גלינאָוויצקי און קינדער

שוועסטער: שיינדל און מאיר דוויד עדעלמאַן און קינדער

גאָלדוואַסער - פישמאַן זאָשקע
דערמאָנען זייער:

פאָטער: מענדל גאָלדוואַסער

מוטער: מאָטל גאָלדוואַסער

שוועסטער: כעלאַ, ליובאַ און רוזשקע

אונדזערע משפּחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַציִשע רוצחים
כּבוד זייער אָנדענק

גאָלדמאַן בערל און פאַמיליע דערמאָנען זייער:

קוזינען: מלך און מרים רויטקאָפּ און זייערע קינדער

לזכרון די העלדן און קדושים, אומגעבראַכטע
אין די געטאָס דורך די נאַציִשע רוצחים.

גליקין װלאַדימיר

געלבלום כוליאָ און פרוי רעגען—געלבלום דערמאָנען זייער:

פאָטער: אברהם געלבלום
מוטער: פעליציאַ װיקלזאָן—געלבלום
פאָטער: שמואל רעגען
מוטער: חנה פערל װיסאָצקא—רעגען

גלינאָװיצקי חיים און פאַמיליע דערמאָנען זייער:

פאָטער: שמעון גלינאָװיצקי
מוטער: שיינע לאה
ברידער: בערל, דוד, יאַנקל
שוועסטער: פייגע און מאַן פיניע פריידענרייך
פאָטער: יונה לעװ
מוטער: אסתר חנה
שוועסטער: בלימע בערגער
קוזינען: מאָרגענשטערן, זינגער, מאקאָװער, חיה קאָװאַלטאָװסקי ,גוטשע הערשמאַן

אונדזערע משפחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַצישע רוצחים
כבוד זייער אָנדענק

דיקשטיין יידל און שרה און זון דערמאָנען זייער:

מוטער: כינקע דיקשטיין

ברודער: יאַנקל און פרוי שוואַרצבערג און זייערע קינדער:

באַשע, איטקע, פסח, הערשל.

דאָמב בעריש און פערל און קינדער דערמאָנען זייער:

ברודער: פעלטע פיעקאַרסקי און פאַמיליע

שוועסטער: אסתר און מאַן מאיר האָכגעלערנטער און קינדער

פעטער: הערשל באַראַב און פאַמיליע

פעטער: ישראל באַראַב און פאַמיליע

הירשהאָרן שמואל און פרוי דערמאָנען זייער:

שוועסטער: חווה רעכט און קינד הענע

שוועסטער: ברײַנדל וואָלף און קינד ראובן

פרײַנד: יחיאל פאַסטערנאַק און פאַמיליע

וואָלנאָוויטש כאָסע און פרוי דערמאָנען זייער:

ברודער: יהושיע וואָלנאָוויטש

שוועסטער: צביה

שוואָגער: ביירעך עיגערהאָרן

שוואָגער: איטשע לייב טשאַרנאָבראָדסקי

שוועגערין: רויזע וואָלנאָוויטש

פלימעניצעס: לעאָן וואָלנאָוויטש, ביילע און עטל עיגערהאָרן

אונדזערע משפחה-מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַציִשע רוצחים
כבוד זייער אָנדענק

ווײַנשענקער אַנטשל און חיהלע מעלער—ווײַנשענקער

דערמאָנען זייער:

ברודער: חיים מעלער און פרוי און קינדער

שוועסטער: ריווטשע בלאכמאַן און קינדער העלאַ און ישראליק

שוועסטער:אסתר און מאַן יאַנקל לעדערמאַן

פלימעניצע: סאַלאַ טוגענדרייך

וואַלדבוים איטשע און פרוי טעמע ווינער—וואַלדבוים

דערמאָנען זייער:

פאָטער: אשר וואַלדבוים
מוטער: שרה רבקה
שוועסטער: שאָשע און פריידע
ברודער: שמואל און פרוי און קינד
פאָטער: לייבל ווינער
שוועסטער: פערל און מאַן מאָטל שפּריצער
שוועסטער: רחל און מאַן דאלעסמאַן און קינדער
שוועסטער: בריינדל און דבורה ווינער
ברודער: יאַנקל ווינער

וואָרטהאלטער מאַרסעלאָ און פאַמיליע דערמאָנען זייער:

מוטער: האָדעס וואָרטהאלטער
ברידער: יוסף און יידל וואָרטהאלטער
שוועסטער: רבקה וואָרטהאלטער
שוועסטער: באַלבינע און מאַן יאַקוב וואָלפסאָן

זיסמאַן ישראל און פאַמיליע דערמאָנען זייער:

מוטער: יהודית זאללער

ברידער: עקיבא ,מענדל, הערשל זאַללער

שוועסטער: חיה זאללער

חברים און פריינד: שרה רובינשטיין, לאה ראיער, שמחה בינעם, מאַניע לאָסיע ווערקצייג

אונדזערע משפחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַציִשע רוצחים

כּבוד זייער אָנדענק

זשעלאָני נאַטאַן

דערמאָנט זיין:

מוטער: רחל

פרוי: רבקה

קינדער: פאַני און אסתר

ברידער: שלמה, יונה, פעליקס,

לעאָן און שוועגערינס שוואָגערס און פלימעניצעס

זאַטאָרסקי איטשע דערמאָנט זיין:

פרוי: הינדע זאַטאָרסקא

טאָכטער: גאָלדע און מאַן ד"ר וו. ל. וויינער און זייער קינד עוואַ

טאָכטער: סאָניאַ זאַטאָרסקא

זאַטאָרסקי באַלבינע און איטשע

און גדליה קאַליקשטיין דערמאָנען זייער:

ברודער: זישע זאַטאָרסקי און פרוי מאַניע און קינדער

ברודער: לייבוש זאַטאָרסקי און פרוי גאָלדע און קינדער

שוועסטער: שרה מיניע און מאַן משה פינקעלשטיין און קינדער טשומע און מלכה

שוועסטער: ברײַנדל זאַטאָרסקאַ—שטריים

זערמאַן שמואל און פאַמיליע דערמאָנען זייער:

מוטער: פערל זערמאַן

שוועסטער: פריידע זערמאַן

אונדזערע משפחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַצישע רוצחים
כּבוד זייער אָנדענק

זלאָטע פּנחס און פרוי דערמאָנען זייער:



פאָטער: אליהו
מוטער: ברכה
ברידער: גרשון,
העניך,
מנחם, אהרון
שוויגער: חיה
שוועגערין: טשיפּע
שוואָגער: יהושיע

זילבערבערג כּאַסע און פאַמיליע דערמאָנען זייער:

מוטער: לאה זילבערבערג
שוועסטער: ברײַנדל שפּיגעלמאַן
שוועסטער: העלענאַ עדעלמאַן
שוועסטער: סאָניע ווײַנגאַרטן
שוועסטער: מאַניע שעהר

טענענבוים בערנאַרדאָ און פאַמיליע
דערמאָנען זייער:

פאָטער: יוסף טענענבוים
מוטער: רחל לאה
ברידער: שלמה לייב, שמואל איציק,
מענדל, פּנחס
שוועסטער: באַשע, הנה, מינדל, שפרהלע

טייטעלבוים שמואל און פאַמיליע
דערמאָנען זייער:

פאָטער: יהושיע העשל טייטעלבוים,
פעטערס און מומעס

אונדזערע משפחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַצישע רוצחים

כבוד זייער אַנדענק



פאמיליעס: יעדלינאַ און פעסטמאַן

יעקב אריה יעדלינא (פאָטער)
צביה מאזעלמאן דע יעדלינא (מוטער)
חיה'לע יעדלינא דע פעסטמאן (טאָכטער)
גערשן פעסטמאן (איר מאַן)
מאלעלע און מאטעסל פעסטמאן (זייערע קינדער)
יענטעלע יעדלינא דע פעלדמאַן (טאָכטער)
לייטשע יעדלינא (טאָכטער) (געפאלן אין קאמף אין ביאַליסטאָקער געטאָ)
סארטשע יעדלינא (טאָכטער)
יאָסעלע יעדלינא (זון)

לענגער יוסף וואָלף און פאַמיליע דערמאָנען זייערע פעטערס, מומעס און קוזינען:

יוסף און פייגעלע לענגער און זייערע קינדער
פאַליק און טויבע לענגער און זייערע קינדער
גרשון און הינדע לענגער און זייערע קינדער
יידל און פייגעלע לענגער און זייערע קינדער
העשל און אסתר גאָלדנער און זייערע קינדער און אייניקלעך
אברהם און רבקה מעץ און זייערע קינדער און אייניקלעך
ישראל און דינע מעץ און זייערע קינדער און אייניקלעך
שלמה און לאָניע בלומען און זייערע קינדער
הערמאַן און כעלאַ שאָן און זייערע קינדער
און אַלע אומגעקומענע חברים

ליפא חיים און פרוי ברײַנדל דערמאָנען זייער:

מוטער: בריינדל ראָזענבערג—ליפא
ברודער: יאַנקל
שוועסטער: פייגע און קינדער יהושיע, אסתר, זעלדע, זלמן
שוועסטער: אלה, אסתר, טאָבטשע
שוואָגערס: יאַנקל גאָלדשטיין און יאַנקל האבערבערג
פעטערס: לייבל ראָזענבלום, הערץ גאלאנט
קוזינען: יצחק ראָזענבלום, נחמן גאלאנט, יאַנקל שרײַבער
און פאַמיליע

ליפשיץ וואָלף און פרוי דערמאָנען זייער:

מוטער: טאָבע ליפשיץ
ברידער: אברהם, יצחק, חיים בער, מאַטעס, שמחה
שוועסטער: אסתר לאה, צינע
שוואָגער: זלמן פרידריך
פלימעניקעס: לייבעלע, דאנוסיא

אונדזערע משפחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַצישע רוצחים
כבוד זייער אָנדענק

מאָטשידלאָווער קאַראָל און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

שוועסטער: זיסל און מאַן יעקב הערש שולשלעפער און
קינדער משה און גיטעלע

שוועסטער: ליפּטשע און מאַן שמואל רויזמאַן

מערענשטיין און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

פאָטער: נפתלי מערענשטיין

ברידער: לייזער, יהודי, ידידיה, מאָטל, אלי משה

שוועסטער: דישקע, רייזל, פראַדל

מאָשער משה טוביה און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

פאָטער: חנה העניך מאָשער
מוטער: מרים לאַנדשטיין—מאָשער
ברודער: אברהם יצחק
שוועסטער: דבורה, חווה, שרה, פייגע, רבקה
שוואָגערס: דוויד אַלעקסאַנדראָוויטש און משה
פעטער: אברהם און פרוי גיטל איגלא

מינסקי יעקב וואָלף און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

שוועסטער: חנה מינסקי
שוועסטער: לייזער לאַוער
קוזינען: ישראל מאיר, פישל, יאַנקל, חנה באַשע,
יוסל מינסקי

אונדזערע משפּחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַציִשע רוצחים
כּבוד זייער אָנדענק

מאַרדיקס מאָניש און פרוי ראָזאַ זלאָטאָפּיורא—מאַרדיקס

דערמאָנען זייער:

ברודער: דוויד מאַרדיקס
ברודער: יחיאל מאיר זלאָטאָפּיורא און פרוי און קינדער
ברודער: יוחנן זלאָטאָפּיורא
פּעטער: וועלוול בערנהאָליץ
שוועסטער: סימע און גאָלדע מאַרדיקס און זייערע מענער
מומע: רחל בערענהאָליץ און מאַן און קינדער

מיכעלבערג טעאָפילאַ

דערמאָנט איר:

שוועסטער: רחל לאה פרעכנער און אירע קינדער סאבטשע, פעלאַ, ליאָניע

מינצעס יחזקאל און פאַמיליע דערמאָנען זייער:

ברודער: ירחמיאל מינצעס און פרוי לאדזשע
ברודער: בן ציון מינצעס און פרוי פעלע און קינדער
ברודער: שמעלקע קעסטענבערג און פרוי עטעלע און קינדער שעיה, משה, אהרון און פאַמיליעס
שוועסטער: פראַניע און מאַן יעזשע צענעסבלאַט און זון אדאש
שוועסטער: הנהלע מינצעס און קינדער רחלע און לייזערל
שוועסטער: דבורה און מאַן בוימלגרין און קינד מאַטילדע
פריַינד: עוואַ לעווקאָוויטש ,רעגא ראָזענפעלד

מיכלבערג שמואל און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

ברודער: שעיה מילכבערג און פרוי און קינדער
שוועסטער: פּערל און מאַן אַבע ראָזענפאַרב און קינדער
שוועסטער: ליבע און מאַן פייוול בעקערמאַן און קינדער

מאַננא שמואל און רחל וואגמאַן—מאננא

דערמאָנען זייער:

מוטער: שרה פייגע מאננא

ברודער: ישראל מאננא

שוועסטער: חווה און מאַן משה בראָטשטיין און קינדער

שוועסטער: מארילקע מאננא

שווער: ניסן וואגמאַן און קינדער חווה און פרץ

אונדזערע משפחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַציסטע רוצחים
כּבוד זייער אָנדענק

נאַפטאַל ברידער און שוועסטער קאַרלאָס, זשאַק, רחל לאה ראָזענטאַל, טעאָפילא רודא און זייערע פאַמיליעס

דערמאָנען זייער:

ברודער: חיים יצחק נאַפטאַל און פרוי פערל און קינדער



נאַפטאַל מענדל און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

פאָטער: יחיאל הערשל נאַפטאַל

ניעוועסקי כוליאָ

דערמאָנט זיין:

שוועסטער: שרה און פאַמיליע

פעטער: אריה און פאַמיליע

מומעס און פלימעניקעס

אונדזערע משפחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַציסטישע רוצחים
כבוד זייער אָנדענק

נאַבעל מאַטעס און פרוי רוזשקע פריכער—נאַבעל

דערמאָנען זייער:

פאָטער: דוויד הערש שערמאַן

מוטער: פערל נאַבעל

ברודער: חיים נאַבעל

שוועסטער: מרים נאַבעל

מוטער: אסתר רייזל פריכער

ברידער: דוויד משה און יוסף

שוועסטער: טאָבטשע און ריווטשע און זייערע קינדער:
באָלעק, העניעק, ברוך, רוטקא ,שפרה איטע און
ברוך יוסף

סיוואַצקי וואָלף און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

מוטער: רבקה סיוואצקי

שוועסטער: אסתר סיוואַצקי

און אַלע אַנדערע פאַמיליע־מענטשן

סקאָראָבאַצקי לעאָן און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

פאַמיליעס: סקאראבאצקי, יישמאך און רוזשע בריף

אונדזערע משפּחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַציִשע רוצחים

כּבוד זייער אָנדענק



סאַפּירשטיין וועלוול און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

פרוי: דבורה בת ישראל אשר פעלנער
קינדער: אברהם שמואל, רחל, משה סאַפּירשטיין
ברידער: ברוך סאַפּירשטיין פון קאַלושין
ברודער: שלמה סאַפּירשטיין פון פּאַריז
שוועסטער: רבקה רחל און מאַן אברהם הערש שפּיגנער

פּיטערמאַן אברהם און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

פאָטער: חיים יוסף פּיטערמאַן
מוטער: בלימה
ברודער: הערשל
שוועסטער: אסתר, שרה, שפרה

פּריזאַנט שלמה און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

פאָטער: יוסף לייב
מוטער: חנה
ברידער: הערשל און משה
שוועסטער: אסתר



פּראַשניק מענדל און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

פעטער: הערשל ראַבינאָוויטש און פאַמיליע
פעטער: פישל קאַראַלניק און פאַמיליע

פאָגלער—מייעראָוויטש זאָשקע און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

ברודער: משה מרדכי פאָגלער און פאַמיליע
שוועסטער: פרימעט און חיה און פאַמיליעס
מומע: הינדע האָפנונג און פאַמיליע

אונדזערע משפּחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַצישע רוצחים

כּבוד זייער אָנדענק

פריידענרייך מלך און נאטקע

דערמאָנען זייער:

מוטער: צירל פריידענרייך

שוויגער: פריידע גאָלדשטיין

שוועגערין: שרה גאָלדשטיין

שוואָגערס: ישראל, שמחה, אברהם גאָלדשטיין

פלימעניק: זאַכאַריאַש

פיכטענבוים יחיאל און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

שוועסטער: שרה

שוואָגערס: איטשע רייניש ,דוויד ריינפלוש און פרוי און קינד

שוואָגערס: יהודה וואָלף ראַפּאָפּאָרט און פאַמיליע

פּויזנער לייבל און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

מוטער: חנה מלכה

שוועסטער: שרה און מאַן בן ציון פעפערלינג

זייערע קינדער: ישעיה , גדליה, שמעון, יענטעלע

שוואָגער און שוועגערין: ניסן, מלכה און זון יאַנקעלע פעפערלינג

פרילינגשטיין יאַנקל און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

ברודער: הערשל פרילינגשטיין

ברודער: שמואל פרילינגשטיין און פרוי און קינדער

שוועסטער: גאָלדע און מאַן, רחל און מאַן, צפּורה און עלקע

אונדזערע משפּחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַציסטע רוצחים
כּבוד זייער אָנדענק

פלאָרמאַן משה און פרוי חנה קאָפּער—פלאָרמאַן

דערמאָנען זייער:

מוטער: רבקה פלאָרמאַן—שער
שוועסטער: חיה און ברײַנדל שער
ברידער: מענדל שער, אהרן שער —
געפאַלן אין דער רויטער אַרמיי
מוטער: מרים קאָפּער—ווערטהיים
ברידער: אהרן און משה קאָפּער
שוועסטער: רבקה פּאָלוס, רחל קריעגער, געלע
איידעלבוים, יענטע קאָפּער

פוקס לייזער און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

ברידער: יוסף בינעם און יעקב דוויד פוקס

שוועסטער: חווה פוקס

צוקער משה און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

מוטער: חיה רחל צוקער

שוועסטער: מרים און מאַן שמואל רובין

פלימעניק: נתן רובין

צוקערוויים משה און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

מוטער: רבקה צוקערוויים

שווער: משה קאָפּל טענענבוים

ברידער: יונה, מאָטל, יהושיע וואָלף, יעקב צוקערוויים

שוועסטער: ביילע, טעמע, רחל לאה ,שיינדל צוקערוויים

אונדזערע משפּחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַצישע רוצחים
כּבוד זייער אָנדענק

צוקער נחום און חנה קאַליקשטיין־צוקער דערמאָנען זייער:

ברודער: משה מלך צוקער און פרוי חנה רבקה און קינדער
ברודער: יצחק גרשון צוקער און פרוי צירל און קינדער
ברודער: משה קאַליקשטיין און פרוי רחל
ברודער: שלמה קאַליקשטיין און פרוי כעוויט און קינדער
ברודער: מלך קאַליקשטיין און פרוי חנה
ברודער: יצחק קאַליקשטיין שוועסטער: שפרה און מאַן
מענדל ראָטערמאַן שוועסטער: אסתר קאַליקשטיין

קומעץ ישראל און פרוי רעגינע האלטער—קומעץ
דערמאָנען זייער:

פאָטער: אברהם קומעץ
מוטער: פערל קומעץ
ברידער: יאַנקל, אשר ,לייזער קומעץ
פאָטער: אברהם יצחק האַלטער
מוטער: חנה פאסירשטיין—האַלטער
ברודער: יוסל און פרוי רבקה האַלטער
שוועסטער: טאָבטשע און מאַן וואדיע בלומענפרוכט
שוועסטער: לאה און מאַן עקיבא מענדעלסבערג

קופּערמאַן מאיר און פאַמיליע
דערמאָנען זייער:

מוטער: בלימע
שוועסטער: חיה פראדל, ראָכמע ,אסתר ,באַשע
שוואָגערס: פנחס גלאַזער ,הערשל גרינפּאַס, ישעיה גדליה קופּערמאַן
פּלימעניקעס: ריווע, דוויד ,יאַנקל ,מענדל, גיטל גלאַזער

קליינער ישעיה און פרוי פריידע יונגמאַן—קליינער
דערמאָנען זייער:

פאָטער: מענדל יונגמאַן
מוטער: רייזל קרעפּעל—יונגמאַן
ברודער: ישכר יונגמאַן און פרוי, טאָכטער און אייניקל
ברודער: שמחה מענדל קליינער און פרוי און קינדער
ברודער: אלעזר קליינער און פרוי און קינדער
שוועסטער: ליבע און מאַן מעל און קינד

אונדזערע משפחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַצישע רוצחים

כבוד זייער אָנדענק

לזכרון אַלע אונדזערע חברים און פריינד וואָס זענען געפאַלן אין קאַמף קעגן די נאַצים.

קאַמינסקי און פאַמיליע

קראַסוצקי לעאָן און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

פאָטער: שמואל קראַסוצקי
מוטער: גיטל ליכטענבוים—קראַסוצקי
ברודער: אברהם קראַסוצקי

קליימאַן ישראל און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

פאָטער: מאיר שמאי קליימאַן
מוטער: באַשע
ברידער: יחיאל, אליה
שוועסטער:שיינדל, שרה
שוואָגער: שלום יערוכימאָוויטש
שוועגערין: רבקה קליימאַן

רוסיאַן פנחס און פאַמיליע

דערמאָנען זייער:

פאָטער: יחיאל יעקב רוסיאַן
מוטער: שפרינצע
ברודער: שמואל
שוועסטער: זלאַטע און שעווע
פריינד: מלך און יעקב וויינשטיין

רעכט משה און פרוי ברכה קופערבערג און שוועסטער בריינדל ליפאַ

דערמאָנען זייער:

פאָטער: יעקב יצחק רעכט
מוטער: הענעלע קופערבערג
ברודער: מענדל קופערבערג
ברודער: לייבל רעכט
שוועסטער: רוזשע
שוועסטער: פרימעט פאַכטער
פעטערס, מומעס ,קוזינען און קוזינקעס

אונדזערע משפחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַציִשע רוצחים
כּבֿוד זייער אָנדענק

ראַדזאַנאָווסקי נתן און פרוי האָדעס לענעמאַן ־ ראַדזאַנאָווסקי, דערמאָנען זייער:

פאָטער: מענדל לענעמאַן
מוטער: לאה
ברידער: משה אַהרן, וואָוטשע, ישראלקע, לייזער, צאַלקע
שוועסטער: שרה לענעמאַן־מאָריץ
שוועגערינס: מאַניע, רוזשע.
קינד: יאָסעלע לענעמאַן
חברים און פריינד: מיטגלידער פון טעקסטיל אַרב. פאַראיין.



רעכט בערל און פרוי רעגינע גאָלדפאַרב—רעכט

דערמאָנען זייער:

מוטער: שעווע גאָלדפאַרב
ברידער: פנחס און משה גאָלדפאַרב
שוועסטער: רחל און שרה גאָלדפאַרב
שוועגערינס, שוואָגערס און קינדער



שאַפּירא ברידער און שוועסטער יחזקאל, בינעם, יעקב יוסף, מאיר שכנא ,מינדל, לאה, חנה, צירל, מלכה, שרה, דבורה, קאַזע, דערמאָנען זייער:

פאָטער: ישראל שאַפּירא
ברודער:משה שאַפּירא, אומגעקומען אין דער רעסיסטענץ־באַוועגונג אין פּאַריז
שוועסטער: רייזל און מאַן בן ציון רייף

רעגענבאום אברהם און פרוי דאָראַ מיאָדאָווניק־רעגענבאום

דערמאָנען זייער:

מוטער: בלימע שרה רעגענבאום
ברודער: ישראל דוויד מיאָדאָווניק און פרוי איטע
שוועסטער: שיינדל רעגענבאום און מאַן מרדכי פּעמאַטיצקי און קינד אשר
שוועסטער: צאָטל רעגענבאום און מאַן יידל זילבערבערג
חברים און פריינד: מענדל סקראָבעק, יאָסל, פייגע און שרה ליכטענשטיין.

אונדזערע משפּחה-מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַצישע רוצחים
כּבוד זייער אָנדענק

שיינבוים מאַנעס און פֿאַמיליע דערמאָנען זייער:

פֿאָטער: דוויד שיינבוים מוטער: חנה שפּעקטעראָוויץ—שיינבוים

שוועסטער: חווה לאַסטפויגל און חיה ראָזאָווסקי און קינדער

ברודער: מענדל שיינבוים

שווער: בערל פּלאַטקאָווסקי און פֿאַמיליע

שוואָגערס: שעפּסל דובנער, שמואל אייזיק פּלאַטקאָווסקי, חיים שעפּסל קאַלוצקי

שוועגערינס: דאָבע פּלאַטקאָווסקי—דובנער, פּרימעט פּלאַטקאָווסקי—קאַלוצקי

פֿעטער: שמואל אהרן שפּעקטעראָוויץ און פֿאַמיליע

פֿעטער: בער שפּעקטעראָוויץ און פֿאַמיליע

פֿעטער: מאיר קאָרפּאַטווע און מומע עטל שיינבוים—קאָרפּאַטווע

שוואַרץ לייבוש און פֿרוי יוכבד יאַדזשע—שוואַרץ

דערמאָנען זייער:

מוטער: מרים ליבע טיגער-בערגסאָן

שוועסטער: רבקה און לאה בערגסאָן

מומע: אסתר מלכה טיגער

פֿעטער: יאַקוב גאָלדפאַרב און קינדער

פֿעטער: יאַנקל טיגער און פֿרוי שרה און קינדער,
אומגעקומענע אין בעלגיע

ברודער: אברהם שוואַרץ

שוועסטער: צירל און מאַן יאָסל דונאי און קינדער

שוועסטער: סימע און מאַן און קינדער

שידלאָווסקי אַלפֿרעדאָ און פֿרוי ראָסאַ ראַקאָווער—שידלאָווסקי דערמאָנען זייער:

מוטער: ביילע פּעסע ראַקאָווער

ברודער: מאָרים ראַקאָווער, אומגעקומען אין בריסעל

ברודער: שמואל שידלאָווסקי און פֿרוי

שוועסטער: באַלבינאַ סטודניא און טאָכטער

שוועסטער: לאה שידלאָווסקי

שוואָגער: אהרן זילבערשטיין

אייזענשטיין שמחה און פאַמיליע
אַסמאַן יידל און פאַמיליע
איידעלסבערג יאַנקל און פאַמיליע
בוראַקאָווסקי הערשל און פאַמיליע
ברינשטיין און פאַמיליע
גאַלקין משה און פאַמיליע
געלבלונג מאיר און פאַמיליע
גאָלדבערג פישל און פאַמיליע
גאוט מאָטל און פאַמיליע
גרונדמאַן חיים און פאַמיליע
גאָלדשטיין סענדער און פאַמיליע
גרינבוים נטע און פאַמיליע
גרינבערג דוויד און פאַמיליע
גרושקע און פאַמיליע
געלבלונג לעאָן און פאַמיליע
גלינער מאַטעס און פאַמיליע
הערשקאָפּ לעאָן און פאַמיליע
וואכהאָלדער שמחה און פאַמיליע
זילבערבערג אַדאָלפאָ און פאַמיליע
זילבער מאָטל און פאַמיליע
זאָנאַבענד ראַפאַל און פאַמיליע
זשיטניא עליאַס און פאַמיליע

זאַלצמאַן בצלאל און פאַמיליע
טורקאָ ל. און פאַמיליע
טשעבוצקי וואָלף און פאַמיליע
יאַגאָדאַ חיים און פאַמיליע
מאַרקוס איזראַעל און פאַמיליע
מייעראָוויטש משה און פאַמיליע
נאַטורמאַן יידל און פאַמיליע
נאָמבערג לעאָן און פאַמיליע
ניבאָרסקי און פאַמיליע
פישמאַן בערנאַרדאָ און פאַמיליע
פּאָלוס עמנואל און פאַמיליע
פוקס אלעזר און פאַמיליע
ציטרינאָווסקי און פאַמיליע
קראַסקע שמואל און פאַמיליע
קאַפּעלושניק שמואל און פאַמיליע
קראַנצענבלום משה און פאַמיליע
קאָרמאַן שמואל און פאַמיליע
קאָלטון אליה און פאַמיליע
קוראַנט ישראל און פאַמיליע
רובינשטיין סאַול און פאַמיליע
ראָזענבערג בעריש און פאַמיליע

שיינבוים לייזער און פאַמיליע
שמידט שלמה און פאַמיליע
שערמאַן דוויד און פאַמיליע
שוואַרץ פּסח און פאַמיליע
שאראגער משה און פאַמיליע
שערמאַן סאַלאָמאָן און פאַמיליע
פרוי בערעלסאָן גיטל און פאַמיליע
פרוי באָטשקאָווסקי מאַריאַ און פאַמיליע
פרוי בעקערמאַן בעלאַ און פאַמיליע
פרוי גינזבורג זאַהאַוואַ און פאַמיליע
פרוי דיקמאַן און פאַמיליע
פרוי וויינשטאָק בערטאַ און פאַמיליע
פרוי וויינטרויב עדאַ און פאַמיליע
פרוי וויזענטיער גאָלדע און פאַמיליע
פרוי וויערניק העלענאַ און פאַמיליע
פרוי זעלטמאַןביילטשע און פאַמיליע
פרוי זאַלצמאַן בערטאַ און פאַמיליע
פרוי ליטוואַק ביילקע און פאַמיליע
פרל' עסטערזאָן דאָראַ און פאַמיליע
פרוי פּאָטאַש און פאַמיליע
פרוי פרידמאַן מלכה און פאַמיליע
פרוי ראָזענבאַום סאבא און פאַמיליע

דערמאָנען

אונדזערע משפחה־מיטגלידער, אומגעבראַכטע דורך די נאַצישע רוצחים

כבוד זייער אָנדענק

אינהאלט:

זײַט

אַ דענקמאָל און אַן עדות — 9

1טע אָפּטיילונג: פון די עלטסטע צייטן ביז 1795

פיניע קאץ — ייִדן אין ווארשע ביז דער דריטער צעטיילונג פון פוילן — 21
ד"ר ע. רינגעלבלום — צו דער געשיכטע פון ייִדן אין ווארשע סוף מיטל־עלטער — 39
ד"ר מאיר באלאבאן — דער פּרוּוו צו גרינדן די ערשטע העברעיִשע דרוקערײַ אין ווארשע — 61
נחום סאָקאָלאָוו — אַלט ווארשע — 65
חנה קוביאק — ייִדישע אַלטערטימלעכקייטן אין ווארשע — 73
ד"ר ע. רינגעלבלום — ייִדן אין ווארשע אין 18טן י"ה און זייער רעכטלעכע לאַגע — 77
מ. זאקס — דער קאָשציושקאָ־אויפשטאַנד און די ייִדישע באַטייליקונג אין קאַמף קעגן דער צעטיילונג פון פוילן — 97
ב. מארק — ייִדן אין דער געשיכטע פון פוילן — 121

2טע אָפּטיילונג: פון 1795 ביז 1939

מ. זאקין און ש. קאמינסקי — א בליק אויף ווארשע — 145
ע. נ. פרענק — די מלחמה קעגן „הפקרות" אין דער אַמאָליקער ווארשע — 163
אברהם ביק — עטאַפּן פון חסידיזם אין ווארשע — 179
פּ. קאץ — ווארשע דער צענטער פון השכלה — 187
נח פּרילוצקי — צו דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער אין ווארשע — 195
אפרים קופּפער — בער מײַזעלס טעטיקייט אין ווארשע — 199
יוסף סאנדעל — אַלעקסאַנדער לעסער — 227
צוויי דאָקומענטן: — 241
בראָניסלאוו גראָסער — אויטאָביאָגראַפיע — 247
פּראָפ׳ שמואל אײַזענשטאדט — דאָס יאָר 1905 אין ווארשע — 259
ק. מאָשקאָוויטש — דער בלוטיקער מיטוואָך — 267
ניר — דער אָנהייב פון דער פּועלי־ציוניסטישער באַוועגונג אין ווארשע — 293
ג. סלאָנימסקי — אַטענטאַט אויפן גענעראַל־גובערנאַטאָר סקאַלאָן — 319
יוסף סאנדעל — מאַוריצי טרעמבאַטש — 345
משה טירמאן — דער גרויסער אַרעסט פון די ייִדישע דרוקער־אַרבעטער אין ווארשע — 357

זײַט

פּראָפ' מאיר באלאבאן — ווארשע, די גרעסטע ייִדישע קהילה אין אייראָפּע — — — 363
בתיה טעמקין־בערמאן — צו דער געשיכטע פון ייִדישן בוך אין ווארשע — — — 375
בן חיים — די ייִדישע לעדער־ארבעטער אין ווארשע — — — 387
שלמה יעדלינא — יוגנטלעכע קאמפּסיאָרן — — — 397
ל. פּארבער — דער כעמישער פאראיין פון ניזקע 59 אין ווארשע — — — 403
בן חיים — די ייִדישע טרעגערס אין ווארשע — — — 409
מאטעס נאבעל — פּראָלעטארישע יוגנט — — — 417
נתן ראדזאנאָווסקי — ווארשעווער ייִדישער טעקסטיל־ארבעטער־פאראיין — — — 427
יחיאל גאָטאָוויזנע — געשיכטע פון ייִדישן דרוקער־פאראיין אין ווארשע — — — 435
בעריש דאָמב — ייִדישער מעטאל־ארבעטער־פאראיין אין ווארשע — — — 439
י. לעדערמאן — דער 1טער האנטווערקער־צוזאמענפאָר אין ווארשע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה — — — 443
יונתן גרינבוים — מײַנע זכרונות וועגן דער ווארשעווער יוגנט — — — 449
דוד דיאמאנט — מארטירערטום און גבורה פון ווארשעווער ייִדן אין שפּאניע און פראנקרײַך — — — 455

3טע אָפּטיילונג: ליטעראַטור, טעאַטער, מוזיק, מאָלעריי, פאָלקלאָר

צאלעל בליץ — 50 ווארשעווער יאָרן אינעם לעבן פון דער ייִדישער ליטעראטור — — — 493
יצחק טורקאָוו־גרודבערג — ווארשע, דאָס וויגעלע פון ייִדישן טעאטער — — — 545
י. סטוטשעווסקי — די מוזיק און דאָס מוזיקאלישע לעבן אין ווארשע — — — 571
יוסף סאנדעל — ייִדישע פּלאסטיקערס אין ווארשע — — — 589
אפרים קאגאנאָווסקי — דאָס ייִדישע ווארשע און י. ל. פּרץ — — — 617
יעקב מעסטעל — ייִדישע שוישפּילער פון ווארשע און אומגעגנט — — — 627
יצחק טורקאָוו־גרודבערג — די מאמע אסתר רחל — — — 635

וואַרשע אין דער ייִדישער ליטעראַטור

שלום אש — א שטורעם אויף דער גמינע (פראגמענט) — — — 643
אלטער קאציזנע — שטארקע און שוואכע (פראגמענט) — — — 651
משה דוד גיסער — אלט ווארשע (פראגמענט) — — — 653
יעקב מילך — דער הויף אויף ניסקע־גאס (פראגמענט) — — — 655
יוסף קירמאן — הונגער (פראגמענט) — — — 659
אברהם טייטעלבוים — וואָלוּווקע (פראגמענט) — — — 661
בינעם העלער — דאָס ייִנגל פון פּאוויע — — — 663
ב. שלעווין — געווען איז עס נעכטן (פראגמענט) — — — 665
משה שולשטיין — דער ניגון פון מײַן טאטנס ניימאשין (פראגמענט) — 683
ל. אָליצקי — דורך טויט צום לעבן (פראגמענט) — — — 687
גוטע גוטערמאן — דרײַ לידער — — — 691
שלום אש — טריומפמארש — — — 697
משה שולשטיין — די זון פון אפּריל... — — — 707

זייט

פאָלקלאָר — פאָלקסלידער און ווערטלעך 713

פערזענלעכקייטן — שרייבערס און געזעלשאפטלעכע טוערס וואָס
האָבן געווירקט אין ווארשע 769

אקטיאָרן און טעאטער־שרײַבער וואָס זענען געווען טעטיק אין ווארשע 831

משה פלאָרמאן — דאָס יאָר 1905 אין ווארשע 875

נ. קופער — די „וואָלגווקע" אין ווארשע 885

יוסף סקורניק — אָכאָטע 891

יהושיע גראָסבארד — די לעצטע אויסשטעלונג פון ייִדישע קינסט־
לער־פּלאסטיקערס אין פּוילן 897

4טע אָפּטיילונג: געטאָ

בער מארק — דער אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ 913

ט. בורסטין־בערענשטיין — גירושים און פארניכטונג פון ייִדישע
ייִשובים אין ווארשעווער דיסטריקט 1055

י. פערלע — חורבן ווארשע 1069

ד"ר ע. רינגעלבלום — די שינאה צו דער פּאָליציי 1105

יחיאל גורני — אקציע נומער 2 1109

א פּוילישער פּאטריאָט, אַן עדות פונעם געטאָ־אויפשטאנד, דערציילט 1113

א. בערמאן — די, וואָס האָבן געראטעוועט 1117

סראָלקע קאָט — ווי אזוי עס איז געפאלן אין העלדישן קאמף יונה
סוכאטשעווסקי 1123

נחמן מייזיל — מרדכי אניעלעוויטש 1129

יוסף סאנדעל — ווארשעווער ייִדישע קינסטלערס אונטער דער היט־
לעריסטישער אָקופּאציע 1145

נחמן מייזיל — ד"ר עמנואל רינגעלבלום 1173

סראָלקע קאָט — די ראָלע פון ווארשעווער ייִדן אין ביאליסטאָקער
געטאָ־אויפשטאנד 1189

בער מארק — דער פּראָצעס פון יורגען סטראָאָפּ און פראנץ קאָנראד 1201

י. פריידקעס — דער ווארשעווער געטאָ־אויפשטאנד און אונדזער ייִשוב 1251

ווער איז געווען אנדזשעי שמידט ? 1259

5טע אָפּטיילונג: אין נייעם וואַרשע

א. קוואטערקאָ — ווען חלום איז געוואָרן וואָר... 1265

ג. קעניג — אין ווארשע, פעברואר 1945 1277

מאנעס שיינבוים — בײַם אָפּדעקן דעם מאָנומענט אין ווארשע 1281

יוסף סאנדאטש — וואָס איך האָב געזען אין פאָלקס־פּוילן 1283

י. לאזעבניק — דאָס ייִדישע מלוכה־טעאטער אין פאָלקס־פּוילן 1295

בינעם העלער — צו די פּוילישע ייִדן אין אמעריקע 1299

אויסצוגן פון פּוילישן באפרײַונגס־מאניפעסט אין 22טן יולי 1944 1321

הויכע מלוכישע אויסצייכענונגען פאר ייִדישע קולטור־טוערס אין פאָלקס־פּוילן 1325

זײַט

אונדזערע מיטאַרבעטער

ביאָגראַפיעס פון אונדזערע מיטאַרבעטער — — — — — — — — — — — — 1333

6טע אָפּטײלונג: וואַרשעווער לאַנדסמאַנשאַפטן אין אַרגענטינע, פאַראייניקטע שטאַטן און בראַזיל

דער לאַנדסלײַט־פאַראיין פון וואַרשע און אומגעגנט אין אַרגענטינע — — — — — III
דער אַמעריקאַנער קאָונסיל פאַר וואַרשעווער ייִדן — — — — — — — — — — XVI
דער פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין ריאָ דע זשאַנייראָ — — — — — — — — XXVI

7טע אָפּטײלונג: נעקראָלאָגן

נעקראָלאָגן נאָך וואַרשעווער ייִדן אומגעקומענע אין די גרויל־יאָרן פון דער נאַצישער הערשאַפט — — — — — — — — — — — — — — — XXXIII

קינסטלערישע הילע געצייכנט דורך יוסף ראַטנער—מירסקי

Este libro se terminó de imprimir en noviembre de 1955 en los talleres "Graficón" de N. Zielony Pasteur 356 (al fondo) - T. E. 48-8960, Buenos Aires

PINKES WARSZE

KSIĘGA PAMIĄTKOWA O LUDNOŚCI ŻYDOWSKIEJ MIASTA WARSZAWY

▼

WYDANA PRZEZ STOWARZYSZENIE ŻYDÓW MIASTA WARSZAWY I OKOLICY
W BUENOS AIRES ZE WSPÓŁUDZIAŁEM IKUFU.

◆

Redakcja: P. KATZ, Ing. M. ZAKIN, G. KALIKSZTEIN, S. KAMINSKI, M. ZAKS.

Ilustrację wstępną projektował: Józef Ratner - Mirski.

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

Tom I

Buenos Aires 1955

PINKES VARSHE

LIBRO RECORDATORIO DE LA POBLACION JUDIA DE VARSOVIA

▼

EDITADO POR LA SOCIEDAD DE RESIDENTES DE VARSOVIA Y SUS ALREDEDORES
EN BUENOS AIRES, CON LA COLABORACION DEL ICUF.

◆

Redacción: P. KATZ, Ing. M. ZAKIN, G. KALIKSZTEIN, S. KAMINSKI, M. ZAKS.

La ilustración inicial proyectó: **José Ratner - Mirski**

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

Tomo I

Buenos Aires 1955

א מאטאָנע צו מיינע טייערע!
ברודער און שוועגערן!
ליינט, און האלט אַ סך
פארגעניגן

מיט טיפער ליבשאפט
אייער לאה

פּנקס
וואַרשע


דאָס יידישע פאָלק–
זײַנע קעמפער און מאַרטירער
JRw.